עין
יעקב

D04527199.
Duke University Libraries

מיין מאמע פעסיע איז נפטר געווארן
אין Aug. 13, 1956

א.ר

ספר

עין יעקב

חלק חמישי

של כל האגדות מתלמוד בבלי וירושלמי, הנמצאות במסכתות :

סנהדרין, מכות, שבועות, עב״ז, הוריות ·

עם פירוש רש״י בשלמותו והחדושים שנתוספו בו, ככל הנמצא

בספר עין יעקב הגדול.

עם אוזה מאמרים, מתוספות, מהרש״א, הרי״ף, ועיון יעקב

גם ליקוטי כדפים בש״ס, וגליוני סטקראלאס בכלן, ובנוס סב״ם :

ונוסף על זה פירוש עברי דייטש הנהוג במדינתנו

נעתק ע״י הר׳ יוסף מאיר יעבץ מעתיק המשניות ע״ז)

הוצאת אורה

תש״ו לאלף הששי

המכירה הראשית

אצל בית מסחר והוצאת ספרים

של משה חיים פאללאק

ניו יורק נ. י.

ספר

שושן פרח

(דף ב) **א משנה** סנהדרין גדולה היתה של ע"א ושל קטנה של כ"ג ומנין לגדולה שהיא ע"א שנאמר (במדבר יא) אספה לי שבעים איש מזקני ישראל ומשה על גביהם רבי יהודה אומר שבעים ומנין לקטנה שהיא של כ"ג שנאמר (במדבר לה) ושפטו העדה והצילו העדה עדה שופטת ועדה מצלת הרי כאן עשרים ומנין לעדה שהיא עשרה שנאמר (שם יד) עד מתי לעדה הרעה הזאת יצאו יהושע וכלב ומנין להביא עוד שלשה ממשמע שנא' (שמות כג) לא תהיה אחרי רבים לרעות [שומע אני שאהיה עמהם לטובה א"כ למה נאמר אחרי רבים להטות לא כהטייתך לטובה הטייתך לרעה הטייתך לטובה על פי אחד הטייתך לרעה על פי שנים (שם פ"ג) ואין בית דין שקול

עדה שופטת. עשרה מחייבים: עדה מצלת. עשרה מזכים אלמעיקן דלריך עשרה שאם יהלכו יסין עשרה מחייבים ועשרה מזכים: לעדה הרעה. במרגלים כתיב: לרעות. אם הרוב מחייבים לא הלך אחריהם (לרעות) [לסרוג] [ועיין ברש"י בגמ' בארוכות]:

פרק ראשון

א סנהדרין: דער בית דין פון איין און זיבעציג דיינים ווערט גירופען די גרויסע סנהדרין. און דער בית דין פון דריי און צוואנציג דיינים ווערט גירופען די קליינע סנהדרין. פון וואנען ווייסען מיר אז די גרויסע סנהדרין דארפין זיין איין און זיבעציג דיינים. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צו משה דוא זאלסט פערזאמלען זיבעציג מענטשין פון די אלטע יודין. און משה זאל זיין איבער זיי. איז דאך איין און זיבעציג. ווארום דער תנא האלט אז משה איז גיזעסין מיט זיי צו זאמען ווען זיי האבען געמשפט. רבי יהודה זאגט מען דארף נאר זיבעציג דיינים ווארום די זיבעציג דיינים אליין האבען געמשפט אן משה. נאר אז זיי האבען אדין נישט גיוואוסט האבין זיי גיפרעגט ביי משה. און פון וואנען ווייסען מיר אז די קליינע סנהדרין דארפין זיין פון דריי און צוואנציג דיינים: ווארום עס שטייט אין פסוק די עדה זאל משפטין [פאר שולדיגען] און די עדה זאל מציל זיין [גירעכט מאכען]. דארף זיין אעדה [צעהן מענטשין] וואס זאלין פאר שולדיגען. און עס דארף זיין אעדה [צעהן מענטשין] וואס זאלין גירעכט מאכען. איז צוואנציג דיינים. פון וואנען ווייסין מיר אז אעדה איז צעהן מענטשין. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט אויף די מרגלים ביז וויא לאנג וועל איך שווייגין די שלעכטע עדה. אויסער יהושע און כלב. יהושע און כלב הט גאט ניט גימיינט אין די עדה. און אן יהושע מיט כלב איז דאך נאר גיוועזן צעהן מרגלים. ווערין דאך צעהן מענטשין גירופען עדה. און פון וואנען ווייסין מיר אז מען דארף נאך דריי דיינים ווייל עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט זיין נאך די מערערע צו שלעכטן. דער פסוק מיינט אויב די דיינים וואס זאגין שלעכטן זענען מיט איינעם מער וויא די דיינים וואס זאגין גוטס: זאל ניט בלייבען וויא די וואס זאגין אויף שלעכטס. פאר שטייען מיר אבער אז די דיינים וואס זאגין גוטס זענין מיט איינעם מער וויא די דיינים וואס זאגין שלעכטס זאל בלייבען אויף גוטס. איז דאך אקשיא אויב אזוי צו וואס זאגט דער פסוק מען זאל גיין נאך די מערערע צו גוטין. מיר ווייסען דאך שון פון יענעם פסוק אז צו גוטען דארף מען גיין נאך די מערערע. נאר אזוי מיינט מען. נישט וויא דוא גייסט צו גוטין נאך די מערערע; זאלסטו גיין צום שלעכטין נאך די מערערע. צוא גוטין גייט מען דורך איינעם. אויב די וואס זאגין גוט זענען מיט איינעם מער וויא די וואס זאגין שלעכט. בלייבט צו גוטין. אבער צו שלעכטין גייט מען נאר דורך צווייא. אויב די וואס זאגין שלעכט זענען מיט צוויי מער וויא די וואס זאגין גוט. בלייבט שלעכט. אבער אז זייא זענין נאר מיט איינעם מער. בלייבט ניט שלעכט. מוז דאך שוין זיין צוויי א.ג צוואנציג דיינים. צעהן דיינים וואס זאלין זאגין גוטס. און צוועלף דיינים וואס זאלין זאגין שלעכטס. די וואס זאגין שלעכטס זאלין זיין מיט צוויי מער. און בית דין דארף ניט זיין גלייכע פארין.

שקול מוסיפין עליהם עוד אחד הרי כאן כ"ג] :

ב א"ר חנינא דבר תורה אחד דיני ממונות ואחד דיני נפשות בדרישה וחקירה (דף ג) שנאמר (ויקרא כד) משפט אחד יהיה לכם ומה טעם אמרו ר"מ לא בעינן דרישה וחקירה כדי שלא תנעול דלת בפני לווין :

ג תניא (דף ה) לא יסור שבט מיהודה אלו ראשי גליות שבבבל שרודין את ישראל בשבט (בראשית מט) ומחוקק מבין רגליו אלו בני בניו של הלל שמלמדין תורה ברבים :

תניא

בדרישה וחקירה. לבדוק את העדים באיזה שעה הלוהו : שנאמר משפט אחד וכו'. ממונות כנפשות וכיון דכתיב דרישה וחקירה בדיני נפשות דכתיב ודרשת וחקרת הוא הדין דיני ממונות : שלא תנעול דלת. שימנעו מלהלוות שמא יכפור והעדים יטעו ולא תהא עדותן מכוונת ויפסיד (והכי קאי שמא לא ימצא מומחין לכופו לדין) :

שרודין את העם. שיש להם כח ורשות מאת מלכי פרס : בני בניו של הלל. נשיא היה כדאמרינן בפסחים באלו דברים הושיבוהו בראש ומינוהו נשיא עליהם :

טאמער ווערט אמאהל זיין עלף ווערין זאגין גוט אונ עלף ווערין זאגין שלעכט. ווערט מען ניט קענען פסקנען דעם דין. דריבער מעהרט מען אויף זייא נאך איין דיין. איז דריי אונ צוואנציג דיינים. ווערט קענען זיין צו גוטען מיט איינעם מער. אונ צו שלעכטין מיט דריי מער :

ב אמר. רבי חנינא האט גזאגט דיא תורה הט גיהייסען סיי אמשפט פון געלט בצאהלין אונ סיי אמשפט פון אמענטשין הרגנן. זאל מען פארשטין דיא עדות מיט דרישה אונ חקירה ודרישה הייסט למשל ראובן מאנט ביי שמעון ער זאל איהם בצאהלין דיא הונדערט גילדין וואס ער האט ביי איהם גיבארגט. אונ שמעון זאגט ער האט גאר ניט גיבארגט. אונ עדות זאגין זיי האבען גיזעהן וויא שמעון האט יא גיבארגט. דארף מען פארשטין דיא עדות זייא זאלין זאגין וואס פאר אגעלט עס איז גיוועזן. פאפירען. אדער זילבער. אדער קיפער. אויף וועלכין ארט הט ער אים גיגעבין דאס געלט. אונ נאך אזעלכע זאכען. אדער אז דיא עדות זאגין למשל זייא האבען גיזעהן וויא ראובן האט גיהרגת אמענטשין. דארף מען פארשטין דיא עדות זייא זאלין זאגין מיט וואס הט ער אים גיהרגת מיט אשווערד אדער מיט איין אנדער כלי. אויף וועלכין ארט האט ער אים גיהרגת. אונ נאך אזעלכע זאכען. חקירה הייסט אויף דיא צייט. וועלכע שעה. וועלכער טאג אין וואך. וויא פיל טעג אין חודש. וועלכער חודש. וועלכער יאהר אין שמטה. די וויפילטע שמטה אין יובל) ווארום עס שטייט אין פסוק איין משפט זאל זיין ביי אייך. ביי געלט בצאהלין אונ ביי אמענטשין הרגנן זאל זיין איין משפט ביי ביידע זאל זיין דרישה אונ חקירה אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ודרשת וחקרת. נאר פאר וואס דען האט מען גזאגט אז ביי געלט בצאהלין דארף מען ניט קיין דרישה וחקירה. מען זאל ניט פארשליסען דיא טיר פאר דיא מענטשין וואס בארגין געלט. אז דער מלוה ווערט זעהן אז ער פאר בארגט געלט אונ דער לוה לייקענט אונ אז ער ברייגט עדות וואס זייא זאגין זייא האבען גיזעהן וויא ער האט גיבארגט די געלט. פרעגט מען דיא עדות אזוי פיל זאכען אונ אז איין עדות האט נאר עפעס אטעות. טויג שוין ניט זייערע עדות זאגין. אונ ער קען שוין ניט אפ נעמען דאס געלט. ווערט ער ניט וועלין פאר בארגין קיין געלט. וועלין דאך מענטשין ניט קענען האנדלען. דריבער האט מען גיזאגט מען זאל ניט אזוי פיל אויס פרעגין דיא עדות. דער מלוה זאל קענען אפ נעמען זיין געלט :

ג תניא. מיר האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק עס ווערט ניט אפ גיטאהן ווערין ארוהט פון יהודה. דאס מיינט מען ווען יודין וועלין זיין אין גלות בבל וועלין זיי האבין אויף זיך אעלצטין פון שבט יהודה וואס ער וועט גיוועלטיגען אויף דעם יודישען פאלק מיט ארוהט. זייא זאלין פאלגין אונ טאהן דיא מצות פון גאט. אונ אגיזעץ געבער וועט ניט אפ גיטאהן ווערין פון יהודהס פיס. דאס מיינט מען דיא איניקלאך פון הלל הנשיא וואס זיי לערנען תורה מיט פיל יודין. אונ הלל איז גיוועזן פון שבט יהודה :

(ע"ב) **ד תניא** תלמיד אל יורה במקום רבו אא"כ היה רחוק ממנו שלש פרסאות כנגד מחנה ישראל:

(דף ו ע"ב) **ה רבי** אליעזר בנו של רבי יוסי הגלילי אומר אסור לבצוע וכל הבוצע הרי זה חוטא וכל המברך את הבוצע הרי זה מנאץ ועל זה נאמר (תהלים י) ובוצע ברך נאץ ה׳ אלא יקוב הדין את ההר שנא׳ (דברים א) כי המשפט לאלהים הוא וכן משה היה אומר יקוב הדין את ההר אבל אהרן אוהב שלום ורודף שלום ומשים שלום בין אדם לחבירו שנא׳ (מלאכי ב) תורת אמת היתה בפיהו וגו׳. רבי אליעזר אומר הרי שגזל סאה של חטים וטחנה ואפאה והפריש ממנה חלה כיצד מברך אין זה מברך אלא מנאץ ועל זה נאמר ובוצע ברך נאץ ה׳. רבי מאיר

כנגד מחנה ישראל. דכל מאן דבעי מלתא אזיל לגביה דמשה דכתיב והיה כל מבקש ה׳ וגו׳. אע"ג שהמחנה ג׳ פרסאות ואתו לגבי משה רבותא דמשה קאמר. מחנה ישראל ג׳ פרסאות דכתיב ויחנו על הירדן מבית הישימות עד אבל השטים ואמר רבה בר בר חנה לדידי חזי לי ההוא אתרא והוה תלתא פרסי בעירובין וביומא:

אסור לבצוע. משמע לדין אסור לדיינים לבצוע (לעשות פשרה): המברך. המשבח:

אבל אהרן אוהב שלום ורודף שלום. וכיון שהיה שומע מחלוקת ביניהם קודם שיבאו לפניו לדין היה רודף אחריהם ומטיל שלום ביניהם: תורת אמת וגו׳. משתעי באהרן כי שפתי כהן ישמרו דעת וגו׳: הרי שגזל וכו׳. ובוצע לשון גזלה דכתיב כן ארחות כל

ד תניא. מיר האבען געלערנט אתלמיד זאל ניט פסקנען אדין אין דיא שטאט וואו זיין רבי וואוהנט. סיידען דער רבי איז ווייט פון אים דריי מייל אזו וויא דיא מחנה פון יודען איז געוועזען אין דער מדבר דריי מייל דיא לענג אונ דריי מייל די ברייט. אונ אז איינער האט געוואוהנט אין עק מחנה איז ער געגאנגען דרייא מייל ביז דעם אנדערן עק מחנה פרעגען ביי משה רבינו אדין (אונ משה רבינו האט געוואוהנט אויסער דיא מחנה). אונ אהרן אונ חור וואס זענען געוועזען אין די מחנה האבין ניט געפסקנט דינים ווייל זיי זענין געוועזען תלמידים פון משה:

ה רבי אליעזר דער זוהן פון רבי יוסי הגלילי האט געזאגט אז צוויי מענטשן קומען פאר דיא דיינים האבען אדין תורה. טארין ניט דיא דיינים מאכען אפשרה. אונ דער דיין וואס מאכט אפשרה האט ער געזינדיגט. אונ דער וואס לויבט דעם דיין ווייל ער האט געמאכט אפשרה. דער צערינט ער גאט. אויף דעם זאגט דער פסוק ובוצע ברך. דער וואס לויבט דעם דיין ווייל ער האט געמאכט אפשרה. נאץ ה׳. דער צערינט ער גאט. נאר דער דין זאל דורך ברעכען דעם בארג. דאס מיינט מען ווי דער דין איז אזו זאל דער דיין פסקנען. ווער עס איז גירעכט איז גירעכט אונ ווער עס איז אומגירעכט איז אומגירעכט. אונ דער דיין זאל ניט מורא האבען פאר קיין מענטשין צו זאגין אים דוא ביסט אומגירעכט. ווארום עס שטייט אין פסוק דער משפט איז פון גאט. גאט זאגט דער איז גירעכט אונ דער איז אומגירעכט. דער דיין זאגט נאר דיא רייד פון גאט. פאר וואס זאל דער שולדיגער זיין בייז אויף דעם דיין. אונ משה רבינו פלעגט אויך זאגין דער דין זאל דורך ברעכען דעם בארג. ער האט נאר גיפסקנט וויא דער דין איז. אבער אהרן האט אנדערש גיטאהן אז ער האט געזעהן צוויי מענטשין קריגען זיך. איידער זייא זענין נאך געקומען פאר אים צו אדין תורה. איז ער געגאנגען צו זיי אונ האט גימאכט שלום צווישען זיי. ווארום ער האט ליב גהאט שלום. אונ פלעגט נאך יאגין דיא מענטשין וואס האבען געקריגט ארער אמאן מיט אווייב ווס האבין געקריגט ער זאל מאכען שלום צווישען זייא. אונ ער פלעגט מאכען שלום צווישען אמענטשין מיט זיין חבר זייא זאלין ניט קומען צו אקריג. אונ דער שלום איז גוועזען וויא דער דין איז, אזו וויא עס שטייט אין פסוק אויף אהרן הכהן תורת אמת היתה בפיהו. אאמתה לערנונג איז גיוועזען אין זיין מויל פיל מענטשין האט ער צוריק געקערט פון עבירות אז מיט יעדער מענטש איז ער גיגאנגען מיט שלום. רבי אליעזר זאגט אז איינער האט גיגזלת אסאה (אזוי אמאס) ווייץ. אונ ער האט געמאהלין דיא ווייץ אויף מעהל. אונ ער האט גיקנעטין אטייג אונ האט גיבאקט אברויט אונ ער האט אפ געשיידט חלה פון דעם ברויט. וויא מאכט ער אברכה אויף דיא חלה. דאס איז ניט אברכה צו גאט נאר אלסטערונג צו גאט. אויף דעם

מאיר אומר לא נאמר בוצע אלא כנגד יהודה שנאמר (בראשית לז) ויאמר יהודה אל אחיו מה בצע כי נהרוג את אחינו וכל המברך את יהודה הרי זה מנאץ ועל זה נאמר ובוצע ברך נאץ ה'. רבי יהושע בן קרחה אומר מצוה לבצוע שנא' (זכריה ח) אמת ומשפט שלום שפטו בשעריכם והלא במקום שיש משפט אין שלום ובמקום שי ש שלום אין משפט אלא איזהו משפט שיש בו שלום הוי אומר זה ביצוע. וכן בדוד הוא אומר (ש"ב ח) ויהי דוד עושה משפט וצדקה והלא כל מקום שיש משפט אין צדקה צדקה אין משפט אלא איזהו משפט שיש בו צדקה הוי אומר זה ביצוע. אתאן לת"ק. דן את הדין זיכה את הזכאי וחייב את החייב וראה שנתחייב עני ממון ושלם לו מתוך ביתו זה

בולע בלע את נפש בעליו יקח: כנגד יהודה. שהיה לו לומר נחזירנו לאבינו אחרי שהיו דבריו נשמעין לאחיו: אתאן לת"ק. דאמר אסור לבצוע דהיא ליה להאי משפט וצדקה שהיה דוד דן את הדין וחייב את החייב וראה שהיה עני מחוייב והיה

זאגט דער פסוק ובוצע ברך אז דער גזלן מאכט אברכה. נאץ ה' דער צערינט ער גאט. רבי מאיר זאגט דער פסוק ובוצע ברך איז געזאגט געווארין אויף יהודה. ווארום עס שטייט אין פסוק יהודה האט געזאגט צו זיינע ברידער מה בצע כי נהרוג את אחינו. וואס פאר אגעלט וועלין מיר פאר דינען אז מיר וועלין הרגנן אונזער ברודער. אונ דער וואס לויבט יהודה פאר דעם וואס ער האט ניט גילאזט הרגנן יוסף: דער צערינט ער גאט. ווארום נאט איז אין כעס אויף יהודה. אז ער האט גיוואוסט אז דיא ברידער פאלגין אים פאר וואס האט ער גיהייסען מען זאל יוסף פר קויפען. ער האט גידארפט זאגין מען זאל אים לאזין פריי ער זאל גיין אהיים צום פאטער. אויף אים זאגט דער פסוק ובוצע ברך: דער וואס לויבט דעם בוצע (יהודה וואס ער האט געזאגט מה בצע) נאץ ה'. דער צערינט ער גאט. רבי יהושע בן קרחה זאגט אז צוויי מענטשין קומען האבען אדין תורה איז אמצוה צו מאכען אפשרה ווארום עס שטייט אין פסוק אמת ומשפט שלום שפטו בשעריכם. דער נביא זאגט צו דיא דיינים איר זאלט משפטין אין אייערע שטעט אמשפט מיט שלום. וויא אזוי קען זיין אמשפט מיט שלום. אז צוויי מענטשין קומען צו אדין תורה איינער מאנט געלט ביי זיין חבר אונ זיין חבר לייקענט ווייל ער וויל ניט בצאהלין. אויב דער דיין פסקנט וויא דער דין איז. איז דאך ניטא קיין שלום. ווארום דער וואס בלייבט אומגירעכט אונ ער דארף בצאהלין איז ער אשונא דעם חבר וואס דארף נעמען ביי אים דאס געלט. אונ ער איז אשונא דעם דיין פאר וואס ער האט אים גיפסקנט ער זאל בצאהלין. אונ וואו עס איז שלום קיינער מאנט ניט דארף מען דאך ניט טאהן קיין משפט. נאר וויא אזוי קען זיין עס זאל זיין אמשפט אונ עס זאל זיין שלום. נאר דאס מיינט מען דער דיין זאל מאכען אפשרה. אביסול זאל דער בצאהלין. אונ אביסול זאל דער האבין שאדין. וועט שלום צווישען זייא. אונ ביי דוד המלך שטייט אויך אזוי. דוד פלעגט טאהן משפט אונ צדקה. ווי אזוי קען זיין משפט אונ צדקה צו זאמען. וואו עס איז משפט איז דאך ניט צדקה. למשל אז בית דין פסקנן ראובן זאל בצאהלין צוא שמעון וואס ער איז אים שולדיג. אונ ראובן בצאהלט. אפילו שמעון איז אארעם מאן פון דעסטוועגין הייסט דאס ניט ראובן האט גיגעבין צדקה צו שמעון. ווארום עס קומט דאך אים. אונ וואו עס איז צדקה איז דאך ניט משפט. אונ אז מען זאגט ראובן האט גיגעבין צדקה צו שמעון. איז אסימן אז ראובן איז צו שמעון גאר ניט שולדיג. נאר ער שיינקט אים פר רחמנות ווייל ער איז ארעם. נאר וויא אזוי קען זיין משפט מיט צדקה צו זאמען. דאס איז אפשרה. למשל ראובן מאנט ביי שמעון הונדערט גילדין. אונ שמעון לייקנט. דער דיין פר שטייט אבער אז שמעון לייקנט ווייל ער האט ניט צו בצאהלין. מאכט ער אפשרה. שמעון זאל נאר בצאהלין פופציג גילדין. אונ פופציג גילדין זאל ראובן אים שיינקען. דיא פופציג גילדין וואס ראובן נעמט דאס איז אדין: אונ דיא פופציג גילדין וואס ראובן שיינקט אים דאס איז אצדקה. פרעגט דיא גמרא נאך דעם ערשטין תנא וואס ער זאגט אז מען טאר ניט מאכען אפשרה וויא אזוי קען זיין משפט אונ צדקה צו זאמען. ענטפערט דיא גמרא עס קען אזוי זיין.

[זה משפט וצדקה משפט לזה וצדקה לזה משפט לזה שהחזיר לו ממון וצדקה לזה ששילם לו מתוך ביתו] (וכן בדוד הוא אומר ויהי דוד עושה משפט וצדקה לכל עמו משפט לזה שהחזיר לו את ממונו וצדקה לזה ששילם לו מתוך ביתו) קשיא ליה לרבי האי לכל עמו לעניים מיבעי ליה אלא [רבי אומר] אע"פ שלא שלם לו מתוך ביתו זהו משפט וצדקה משפט לזה וצדקה לזה משפט לזה שהחזיר לו ממונו וצדקה לזה שהוציא גזילה מתחת ידו (דף ז) ופליגא דרבי תנחום בר חנילאי דא"ר תנחום בר חנילאי לא נאמר מקרא זה אלא כנגד מעשה העגל שנאמר (שמות לב) וירא אהרן ויבן מזבח לפניו מה ראה אמר רבי בנימין בר יפת אמר ר' אלעזר ראה חור שזבוח לפניו אמר אי לא שמענא להו השתא עבדו לי כדעבדו בחור ומקיים בי (איכה ב) אם יהרג במקדש ה' כהן ונביא ולא הויא להו

משלם לבעל דינו מתוך ביתו : לא נאמר מקרא זה . ובוצע בכך : אלא כנגד מעשה העגל . שעשה אהרן פשרה בינו לבין עצמו ואמר מוטב לעשות להם את העגל : ויבן מזבח . הבין מזבוח לפניו שהרגו את חור על שלא עשה להם : אהרן ; כהן ונביא היה : ולא הויא להו תקנתא . דהא

אביין האט געמשפט אדין אונ ער האט גירעכט. גימאכט דעם וואס איז טאקי גירעכט ; אונ ער הט בעשולדיגט דעם וואס איז טאקי שולדיג ; אונ ער האט אבער גיזעהן אז דער וואס איז שולדיג גיווארין צו בצאהלין איז אארעם מאן ; האט דער דיין בצאהלט מיט זיין געלט פאר דעם ארעם מאן . דאס איז משפט מיט צדקה. צו איטעם איז משפט אונ צו איינעם איז צדקה. משפט איז צו דעם וואס האט גימאנט . ער האט אפ גינומען זיין געלט ; אונ צדקה האט ער גיטאהן מיט דעם ארעם מאן וואס ער האט בצאהלט פון זיינעט וועגין . אונ וואו געפינט מען אביין וואס זאל אזוי טאהן . דאס האט גיטאהן דוד המלך . אזו ווי עס שטייט אין פסוק דוד האט גיטאהן משפט אונ צדקה צו זיין גאנץ פאלק . אז פר דוד המלך איז גיקומען אדין תורה אארעם מאן מיט אדייכען . אונ דער ארעם מאן איז פאר שולדיגט גיווארין צו בצאהלין . האט דוד בעצאהלט פון זיינעט וועגין . האט ער גיטאהן משפט צו דעם רייכין . דער רייכער האט אפ גינומען זיין געלט . אונ צדקה האט ער גיטאהן מיט דעם ארעם מאן וואס ער האט בצאהלט פון זיינעט וועגין . איז צו רבי גיוועזן אקשיא פר וואס שטייט אין פסוק דוד האט גיטאהן משפט אונ צדקה צו זיין גאנץ פאלק . דער משפט אונ צדקה איז דאך נאר גיוועזן צו ארעמע לייט . דריבער זאגט רבי אז יעדער אמתה דין תורה וואס דער דיין פסקנת . אפילו דער דיין בצאהלט ניט זיין געלט נאר דער בעל חוב אליין האט בצאהלט . הייסט דס אויך דער דיין האט גיטאהן משפט אונ צדקה . משפט האט ער גיטאהן צו דעם ; אונ צדקה האט ער גיטאהן צו דעם . משפט הט ער גיטאן צום מלוה ער האט אפ גינומען זיין געלט . אונ צדקה האט ער גיטאהן צום לוה ער האט ארויס גינומען דיא גיגזלתע געלט פון זיין האנט . האט ער אים גיטאהן אטובה צו עולם הבא וואס דס איז מער וויא די עולם הזה פון דעם ביסול געלט ודעם ווארט צדקה מיינט מען אטובה . מהרש"א.
אונ דיא פריערדיגע תנאים וואס דרשנן דעם פסוק ובוצע ברך קריגען זייא אויף רבי תנחום בר חנילאי . ווארום רבי תנחום בר חנילאי זאגט דער פסוק ובוצע ברך איז ניט גיזאגט גיווארין אויף קיין אנדער זאך נאר אויף דיא מעשה פון עגל ווארום עס שטייט אין פסוק וירא אהרן ויבן מזבח לפניו . וואס האט אהרן גיזעהן הט רבי בנימין בר יפת גיזאגט פון רבי אלעזרס וועגין ער האט גיזעהן וויא חור איז גישאכטין פאר זיים איז דער טייטש ויבן מזבח לפניו . ער האט פר שטאנען פון דעם וואס איז גילעגין גישאכטען פר אים . וואס מען וועט טאהן מיט אים (ויא ידין האבען פר אים פר לאנגט פון חור ער זאל זייא מאכען דעם עגל הט חור ניט גיוואלט האבען זייא אים גיהרגת) האט אהרן גיזאגט אויב איך וועל זייא ניט פאלגין וועלין זיי טאהן צוא מיר אזוי וויא זייא האבען גיטאהן מיט חור וועט דורך מיר מקוים ווערין דער פסוק עס איז גיהרגת גיווארין אין מקדש פון גאט אכהן אונ אנביא ווארום אהרן איז דאך גיוועזן אכהן אונ אנביא (אזוי וויא זכריה איז גיוועזן אכהן אונ אנביא) ; אונ אויף דיא עבירה וועט זיי ניט העלפין

להו תקנתא לעולם מוטב דליעבדו לעגלא אפשר הויא להו תקנתא בתשובה:

(דף ו ע"ב) ו **רבי** שמעון בן מנסיא אומר שנים שבאו לפניך לדין עד שלא תשמע דבריהם או משתשמע דבריהם ואי אתה יודע להיכן הדין נוטה אתה רשאי לומר להם צאו ובצעו משתשמע דבריהם ואתה יודע להיכן הדין נוטה אי אתה רשאי לומר להם צאו ובצעו שנא' (משלי יז) פוטר מים ראשית מדון ולפני התגלע הריב נטוש קודם שנתגלע הריב אתה יכול לנטשו משנתגלע הריב אי אתה יכול לנטשו וריש לקיש אמר שנים שבאו לדין אחד רך ואחד קשה עד שלא תשמע דבריהם או משתשמע דבריהם ואי אתה יודע להיכן הדין נוטה אתה רשאי לומר להם אין אני נזקק לכם שמא נתחייב חזק ונמצא חזק רודפו משתשמע דבריהם ואתה יודע להיכן הדין נוטה אי אתה יכול לומר להן איני נזקק לכב שנאמר (דברים א) לא תגורו מפני איש. רבי יהושע בן קרחה אומר מנין לתלמיד

סופן לעשות כן בזכריה בן יהוידע ויחרב בית המקדש על כך. ובקדושין סקשו על פרש"י ואמר דהיו נכון דלכאורה משמע דאהכן שפיר עביד אלא אקרא דהורס אמת סיתה בפיהו קיימין. ע"כ וכן בתוספתא:

פוטר מים ראשית מדון. אם באת לפטור ולהבליג המריבה המשולה כמים כדלקמן ולבוא שלום ביניהם ראשית מדון קודם שתבא ותחן בדין פטור אותם: נטשהו. יעזוב אחר השלום: קשה. בעל מריבה ומטריח דיינין: ה"ג שמא יתחייב חזק ונמצא חזק רודפו רודף את הדיין להפך את

קיין תשובה. דריבער איז בעסער זייא זאלין מאכען דעם עגל. טאמר וועלין זיי תשובה טאן וועלין זייא צוריק בהעפט ווערין צו גאט. דאס זאגט דער פסוק ובוצע ברך. דער וואס בענשט אהרנען פאר דיא פשרה וואס ער האט געמאכט. דער צערינט ער גאט. ווארום אהרן הט ניט גיבארפט אזוי טאהן. ער האט גיבארפט איין שטעלין זיין לעבין אויך און ניט מאכען דעם עגל:

ו רבי שמעון בן מנסיא זאגט אז צוויי מענטשין זענין גיקומען פר אדיין האבין אדין תורה, איידער דער דיין הערט זייערע טענות. אדער וויא ער האט שוין גיהערט זייערע טענות נאר ער ווייס נאך ניט ווער עס איז גירעכט און ווער עס איז אונגירעכט. מעג ער זאגין צו זייא זייא זאלין זיך פר גלייכין. אבער אז דער דיין האט שוין גיהערט זייערע טענות. און ער ווייס שוין ווער עס איז גירעכט און ווער עס איז אונגירעכט. טאר ער ניט זאגין צו זייא זיי זאלין זיך פאר גלייכען. נאר ער מוז פסקנן אריכטיגע דין תורה אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פוטר מים. אז דער דיין וויל פטרין פון זיך דיא קריג וואס זיא איז געגליכען צו וואסער. און ער וויל מאכען שלום צווישען דיא מענטשין וואס זענין גיקומען פאר אים האבען אדין תורה. ראשית מדון; איידער דיא קריג הייבט זיך אן זאלסטו זיא פר גלייכען. ולפני התגלע הריב און איידער דיא קריג פאר שפרייט זיך. נטוש. זאלסטו זיא פר לאזין. איידער די קריג הט זיך פר שפרייט ואיידער דוא ווייסט דיא קריג. ווער עס איז גירעכט און ווער ניט). מעגסטו דיא קריג פאר לאזין. און מאכען צווישען זייא אפשרה. אבער וויא דיא קריג הט זיך פר שפרייט (דוא ווייסט שוין ווער עס איז גירעכט און ווער ניט): טארסטו ניט פר לאזין די קריג. טארסטו ניט מאכען אפשרה; נאר דוא מוזט פסקנן אריכטיגע דין תורה. און ריש לקיש זאגט אז צוויי מענטשין קומען פר אדיין האבען אדין תורה. איינר איז אווייכער מענטש און איינער איז אהארטער מענטש. איידער דער דיין הערט זייערע טענות. אדער וויא ער האט שוין גיהערט זייערע טענות. נאר ער ווייס ניט ווער עס איז גירעכט און ווער עס איז ניט גירעכט. מעג דער דיין זאגין צו זיי איך וויל מיך ניט מישען צו דער דין תורה. ווייל איך האב מורא טאמער וועט דער שלעכטער פאר שולדיגט ווערין צו בצאהלין. וועט ער מיך יאגין ער זאל מיר שלעכטס טאהן; אבער אז דער דיין הט שוין גיהערט זייערע טענות. און ער ווייס שוין ווער עס איז גירעכט און ווער עס איז אונגירעכט טאר ער ניט זאגין איך וויל מיך ניט מישען צו דיא דין תורה. נאר ער מוז פסקנן די דין תורה; און אויף אים זאגט דער פסוק איר זאלט ניט מורא האבען פר קיין מענטש. רבי יהושע בן קרחה

לתלמיד שיושב לפני רבו וראה זכות לעני וחובה לעשיר מנין שלא ישתוק שנאמר לא תגורו כפני איש וא"ר חנין לא תכניס דבריך מפני איש ויהיו עדים יודעים את מי הם מעידים ולפני מי הם מעידים ומי עתיד ליפרע מהם שנאמר (שם יט) ועמדו שני האנשים אשר להם הריב לפני ה' ויהיו הדיינים יודעים את מי הם דנים ולפני מי הם דנים ומי עתיד ליפרע מהם שנאמר (תהלים פב) אלהים נצב בעדת אל בקרב אלהים ישפוט וכן ביהושפט הוא אומר (ד"ה ב יט) ויאמר לשופטים ראו מה אתם עושים כי לא לאדם תשפטו כי (אם) לה' שמא יאמר הדיין מה לי בצער הזה תלמוד לומר (שם) ועמכם בדבר משפט אין לו לדיין אלא מה שעיניו רואות:

(דף ז) ז **אמר** רב המנונא אין תחלת דינו של אדם נידון אלא על ד"ת שנא' (משלי יז) פוטר מים ראשית מדון:

הדין: שיושב לפני רבו. ולא דין לפני רב ולא לפניו ורואה התלמיד זכות לעני וחובה לעשיר ורבו טועה בדין מנין שלא יחלוק כבוד לרבו וישתוק ת"ל וכו' ובגמ' מפרש דלא תגורו לשון כינוס הוא (מלשון אוגרת בקציר): את מי הם מעידין. כאילו הם מעידים בהקב"ה כדאמרינן לקמן שמטריחין אותי להחזיר ממון לבעליו: ועמדו שני האנשים. ואמרינן במסכת שבועות בעדים הכתוב מדבר: מה לי לצער הזה. שאם אטעה איענש: ת"ל ביהושפט. ועמכם בדבר משפט. לפי מה שעם לבבכם שלבבכם נוטה בדבר כלומר בטענותיהם עמכם במשפט לפי אותן דבריה השפטו ולא תענשו: דאין לו לדיין. לירא ולמנוע עצמו מן הדין: אלא לפי מה שעיניו רואות. לידון ויכוין להוציאו לצדקו ולאמתו ושוב לא יענש: תחלת דינו. לעתיד לבא: על דברי תורה. שלא עסק בתורה: פוטר מים. שפוטר התורה מעליו: וזהו ראשית מדונו. תורה נמשלה למים דכתיב הוי כל צמא לכו למים:

א"ר

זאגט אז א תלמיד זיצט פאר זיין רבי אונ ער זעהט עס איז גיקומען א ארעמער מיט א רייכין צוא האבען א דין תורה פאר זיין רבי. אונ דער רבי מאכט גירעכט דעם רייכען אונ מאכט אונגירעכט דעם ארעמען. ווייל ער האט א טעות אין דין. אונ דער תלמיד זעהט אז עס איז פארקערט דער ארעמער איז גירעכט אונ דער רייכער איז אונגירעכט. פון וואנען ווייסען מיר אז דער תלמיד טאר ניט שווייגין. נאר ער זאל זאגין צום רבי אז ער האט א טעות. ווארום עס שטייט אין פסוק לא תגורו מפני איש האט רבי חנין גיזאגט דער פסוק מיינט איר זאלט ניט איין זאמלען ובעהאלטין אייערע רייד ווייל איר ווערט מורא האבען פאר א מענטשין. אונ דיא עדות דארפין וויסען אויף וועמען זייא זאגין עדות. אונ פאר וועמען זייא זאגין עדות. אונ ווער עס וועט זייא שטראפין אויב זיי וועלין זאגין פאלשע עדות. אזו ווי עס שטייט אין פסוק דיא צוויי מענטשין וואס צוא זיי איז די קריג (וואס זייא זאגין עדות אויף דיא קריג) זאלין זיי שטיין פאר גאט. אונ דיא דיינים זאלין וויסען וועמען זייא משפטין אונ פאר וועמען זייא משפטין אונ ווער עס וועט זייא שטראפין אויב זייא וועלין פאלש משפטין. אזו ווי עס שטייט אין פסוק גאט וועט שטיין אין די גאטליכע עדה צווישען דיא דיינים וועט גאט משפטין. אונ ביי יהושפט שטייט אויך אזו. ער האט גיזאגט צו דיא דיינים זעהט וואס איר טוהט איר משפט ניט דעם מענטשין. נאר איר משפט צו גאט. ווארום אז דער דיין וועט פאלש פסקנען. אדער דיא עדות וועלין פאלש עדות זאגין. אונ מען וועט ביי איינעם נעמען געלט אומזיסט. וועט גאט מוזין דעם מענטשין בצאהלין אנדער געלט. האבען זייא דאך שאדין גיטאהן דאס געלט ניט דעם מענטשין נאר צו גאט. טאמער וועט דער דיין זאגין וואס טויג מיר דער צער. צו וואס זאל איך זיין א דיין. דריבער שטייט אין פסוק ועמכם בדבר משפט. אזו וויא אייער הארץ אונ אייער שכל וועט אייך לערנען אזוי זאלט איר פסקנען. איר זאלט נאר ניט וועלין פסקנען פאלש. דער דיין דארף נישט מער פסקנען נאר וויא זיין שכל לערונט אים:

ז אמר. רב המנונא האט גזאגט אז דער מענטש שטארבט אונ מען נעמט די נשמה צום משפט. דאס ערשטע משפט מען פר וואס ער האט ניט גילערונט תורה. אזו וויא עס שטייט אין פסוק פוטר מים ראשית מדון. דאס ער שטע קריג איז ווייל ער האט גיפטרת פון זיך דיא תורה וואס זיא איז געגליכען צו וואסער:

ח א"ר הונא האי תיגרא דמיא לצינורא דבידקא דמיא כיון דרווח רויח אביי קשישא אמר דמי לגודא דגמלא כיון דקם קם. ההוא דהוה קאמר ואזיל טוביה דשמע ואדיש חלפוה בישתי' מאה א"ל שמואל לרב יהודה קרא כתיב פוטר מים ראשית מדון ריש מאה דיני. ההיא דהוה קאמר ואזיל אתרתי תלת גנבא לא מיקטל א"ל שמואל לרב יהודה קרא כתיב (עמוס ב) כה אמר ה' על שלשה פשעי ישראל ועל ארבעה לא אשיבנה ההוא דהוה קאמר ואזיל שב בירי לשלמנא וחד לעביד ביש א"ל שמואל לרב יהודה קרא כתיב (משלי כד) כי שבע יפול צדיק וקם (ורשע יפיל באחד). ההוא דהוה קאמר ואזיל דמבי דינא שקלו גלימיה ליזמר וליזיל באורחא. א"ל שמואל לרב יהודה

צינורא דבידקא. כשהנהר גדל פעמים שהוא יוצא לבדות שעל אגפיו בעין נהרים וצינורות (קבולים) [קטנים] ואם אינו סותמו מיד הולך ומרחיב ואינו יכול לסותמו והיינו דקאמר קרא פוטר מים ראשית מדון כלומר ראשית מדון ומריבה דומה לפוטר מים: פוטר. פותח כמו פטר רחם: לגודא דגמלא. דפק של גשר בתחלה כשדורסין עליה מתנענעות וסוף מתחזקות ונקבעות במקומן והכא נמי כשאדם (מדבק) [מרבה] בקטטה מתחזקה ובאה ולא מקרא נפקא: טוביה דשמע ואדיש. אשריו ששומע חרפתו ושותק ומרגיל בכך: ואדיש. כמו כיון דדש דש: חלפוה בישתי' מאה. הלכו להם בשתיקתו מאה רעות שהיו באות עליו ע"י התגר: פוטר מים. והמתחיל ופותח בקטטה הוא תחלה מאה דינים: ראשית מדון. נוטריקון ריש מאה דינים. ל"א מדון בגימ' מאה: אתרי תלת גנבא לא מיקטל. כלומר אם עובר אדם עבירה פעמים ושלש ולא רא עליו פורענות אל יתמה דאתרי תלת גנבא לא מיקטל וסופו ללקות באחרונה: שב בירי לשלמנא. שבע בורות כרויות לרגלי איש שלום ומכולם ינצל: וחד. בירא: לעביד ביש. לעושה רשעה יפול בהקלה ראשונה הבאה לו: דמבי דינא שקלו גלימיה. מי שנטלו ב"ד טליתו לפרעו לאחר: ליזמר וליזיל. הואיל ודין אמת דנו לא הפסיד כלום

ח אמר. רב הונא האט געזאגט אקריג איז גלייך צו ארינע פון אשטראם וואסער. אז זיא הייבט אן ברייט צו ווערין און מען פארשטעלט ניט באלד דיא וואסער, ווערט זיא גאנץ ברייט און זיא קען פאר פרייצין אגרויסע פלאץ. און מען קען שוין ניט מער פארשטעלין. ביי אקריג איז אויך אזוי. אז צוויי מענטשין קריגען אויב מען פארהאלט ניט באלד די קריג. ווערט ווייט וויא ווייט דיא קריג קען זיך פארברייטען. און וואס פאר אשרעקניש פון דעם קען קומען: דער אלטער אביי זאגט אקריג איז גלייך צו דיא ברעטער פון אבריק. אין אנהייב ווען מען לייגט דיא ברעטער שאקלען זייא זיך. דער נאך אז עס ווערט איין געטרעטין ליגען שוין דיא ברעטער פעסט און שטארק. אקריג איז אויך אזוי. אין אנהייב איז די קריג שוואך. און גאנץ גרינג קען מען מאכען שלום. און וואס מער זייא קריגען פארשטארקט זיך די קריג: אז מען קען שוין ניט מאכען שלום. אמענטש פרעגט אמאהל גיין און זאגין גוט איז דעם מענטש וואס ער הערט מען זידעלט אים און ער שווייגט. דורך זיין שווייגין וועט פון אים אוועק גיין הונדערט שלעכטס וואס עס וואלט אויף אים גיקומען אז ער וואלט זיך געקריגט. הט שמואל געזאגט צו רב יהודה עס שטייט אזוי אין פסוק פוטר מים ראשית מדון: דער וואס עפינט אקריג איז דעם צאנהייב פון הונדערט דינים. מדון מאכט מאה דינים. הונדערט שלעכטס. אבער אז ער קריגט ניט וועט אויף אים ניט קומען דיא הונדערט דינים. אמענטש פרעגט אמאהל גיין און זאגין אז איינער האט גינגבת צוויי מאהל אדער דריי מאהל הרגת מען אים נאך ניט. אבער אז ער גנבת אפערטין מאהל הרגת מען אים. הט שמואל געזאגט צו רב יהודה עס שטייט אזוי אין פסוק אזוי האט גאט געזאגט אויף די דריי זינד פון דיא יודין בין איך זייא מוחל: אבער אויף דיא פערטע עבירה בין איך זייא ניט מוחל. אמענטש פרעגט אמאהל גיין און זאגין זיבען גריבער זענין גיגראבען פאר דעם פרומען מענטשין. און גאט העלפט אים ער זאל אין איינע ניט אריין פאלען. און איין גרוב איז גיגראבען פאר דעם רשע און ער פאלט אין איר אריין. הט שמואל געזאגט צו רב יהודה עס שטייט אזוי אין פסוק. אפילו דער צדיק וועט זיבען מאהל פאלען: פון דעסטוועגין וועט ער אויף שטיין. און דער רשע פאלט אריין אין דיא ערשטע גרוב און ער קען שוין ניט אויף שטיין. אמענטש פרעגט אמאהל גיין און זאגין אז בית דין האבין אוועק גינומען אקלייד ביי אמענטשין ער זאל בצאהלין זיין חוב וואס ער איז שולדיג. זאל ער גיין אין וועג און זינגען. ווייל בית דין האבען אים אפ געהיט פון אעבירה. ער זאל ניט גזלנן •

יהודה קרא כתיב (שמות יח) וגם כל העם הזה על מקומו יבא בשלום. ההוא דהוה קאמר ואזיל היא ניימא ודיקולא שפיל. א"ל שמואל לרב יהודה קרא כתיב (קהלת י) בעצלתים ימך המקרה וגו'. ההוא דהוה קאמר ואזיל גברא דרת יצנא עליה אדייה לגזיזיה וקם. א"ל שמואל לרב יהודה קרא כתיב (תהלים מא) גם איש שלומי אשר בטחתי בו אוכל לחמי הגדיל עלי עקב:

ט **ההוא** דהוה קאמר ואזיל כי רחימתין הוה עזיזא אפותיא דספסירא שכיבן השתא דלא עזיזא רחימתין פוריא בר שיתין גרמידי לא סגי לן אמר רב הונא קראי כתיבי מעיקרא כתיב (שמות כה) ונועדתי לך שם ודברתי אתך מעל הכפורת. ותניא ארון תשעה וכפורת טפח הרי כאן עשרה וכתיב (מ"א ו) והבית אשר בנה המלך שלמה לה' ששים אמה ארכו ועשרים רחבו ושלשים אמה קומתו ולבסוף כתיב (ישעיה סו) כה אמר ה' השמים כסאי והארץ הדום רגלי אי זה בית

כלוס אלא גזילה הוציאו מידו: כל העם הזה. ביתרו כתיב ומשמע נ"ש זכאי ולא שנא חייב מלון במשמע: היא ניימא ודיקולא שפיל. כשהאשה מנמנמת הסל שעל ראשה שהיא נותנת פלכה ומלאכת ידיה בו שפיל כלומר משוך שהיא עצלה אין מלאכתה נכרת ומלן מעלות הן: אדייה לגזיזיה וקם. הרים אגרופו עלי ועמד לנגדי:

רחימתין הוה עזיזא. כשאהבתנו היתה עזה היינו לאשתי: אפותיא דספסירא שכיבן. פי' רוחב הסייף היינו שוכבים שנינו: לא סגי לן. לא די לנו: הרי כאן עשרה. גבוה מן הקרקע הרי שהקב"ה משרה שכינתו בעשרה טפחים סמוך לקרקע ועוד באורך הכפורת באמתים והוי ארכו: ולבסוף. בבהמ"ק היה גבוה שלשים אמה וארכו ששים ובשעתא נאמר להם אי זה בית אשר תבנו לי [illegible]

האט שמואל גזאגט צו רב יהודה עס שטייט אזו אין פסוק: דס גאנצע פאלק וועט יעדער קומן אויף זיין ארט צו פרידען. אפילו דער וואס איז שולדיג גיווארין צו בצאהלין וועט אויך זיין צוא פרידען. ווייל ביי אים וועט ניט זיין קיין גזלה: אמענטש פלעגט אמאהל גיין אונ זאגין אז די אשה וואס שפינט דזימועט שפינענדיג. דער קארב וואס זיא האלט אין אים איר שפינענארבייט פאלט ער אראפ אויף דער ערד. דאס איז אמשל דער מענטש ווס איז פויל צו ארבעטין. ווערט גאר נישט אפילו פון די זאכען ווס ער האט שוין אפ גיארבעט. האט שמואל גזאגט צוא רב יהודה עס שטייט אזו אין פסוק בעצלתים ימך המקרה. דורך דיא פוילקייט וואס אמענטש איז פויל צו פאר ריכטען זיין שטוב. ווערין נידעריג די בעלקעס. פאלען אראפ דיא בעלקעס. אמענטש פלעגט אמאהל גיין אונ זאגין דער מענטש וואס איך האב מיך פר זיכערט אויף איהם. האט ער אויף גיהויבען זיין פויסט געגין מיר אונ האט מיך גיוואלט שלאגין. האט שמואל גזאגט צו רב יהודה אין פסוק שטייט אויך אזו דוד המלך האט גזאגט דער מענטש וואס איז גיגאנגען מיט מיר מיט שלום וואס איך האב מיך פאר זיכערט אויף אים ווס ער עסט מיין ברויט. האט ער אויף גיהויבען אויף מיר זיין פוס ער זאל מיך צו טרעטין:

ט ההוא. אמענטש פלעגט אמאהל גיין אונ זאגין ווען אונזער ליבשאפט איז גיוועזן שטארק צווישען מיר מיט מיין ווייב. האבען מיר ביידע גיקענט ליגען אויף אשארף פון אשווערד. איצט אז אונזער ליבשאפט איז ניט שטארק. אבעט ווס איז ברייט זעכציג איילין איז אויך ניט גינוג פאר אונז. האט רב הונא גזאגט אין דיא פסוקים שטייט אויך אזוי. אין איין פסוק שטייט גאט האט גזאגט צו משה איך וועל מיך פר זאמלען צו דיר דארטין (אין משכן). אונ איך וועל ריידין מיט דיר פון איבער דעם כפורת. אונ מיר האבען גילערנט די הייך פון ארון איז גיוועזן ניין טפחים. אונ די גרעב פון כפורת איז גיוועזן אטפח. צו זאמען איז גיוועזן הויך דער ארון פון דער ערד ביז אויף דעם כפורת צעהן טפחים. זעהן מיר ווען גאט האט אונז ליב גיהאט האט ער גימאכט רוהען די שכינה אויף דעם כפורת וואס ער איז גיוועזן צעהן טפחים נאנט צו דיא ערד: אונ צוויי מיט אהאלב אייל די לייניג. אונ אאייל מיט אהאלב אייל די ברייט. דער נאך ווען שלמה האט גיבאהט דעם בית המקדש איז די ליבשאפט שוין ניט אזו גרויס גיוועזן. האט שוין די שכינה ניט גירוהט אויף דעם ארון אליין נאר אין דעם גאנצין שטוב. אונ עס שטייט אין פסוק די שטוב ווס דער מלך שלמה האט גיבאהט צו גאט איז גיוועזן זעכציג איילין דיא לייניג אונ צוואנציג איילין די ברייט אונ דרייסיג איילין די הייך. דער נאך ווען דיא ליבשאפט האט זיך

בית אשר תבנו לי וגו׳ :

י מאי משמע דהאי לא תגורו לישנא דכנושי הוא א״ר נחמן אמר קרא (דברים כח) ויין לא תשתה ולא תאגור רב אהא בר יעקב אמר מהכא (משלי ו) תכין בקיץ לחמה אגרה בקציר מאכלה רב אחא בריה דרב איקא אמר מהכא (שם י) אוגר בקיץ בן משכיל :

יא א״ר שמואל בר נחמני א״ר יונתן כל דיין שדן דין אמת לאמתו משרה שכינה בישראל שנא׳ (תהלים פב) אלהים נצב בעדת אל בקרב אלהים ישפוט וכל [דיין] שאינו דן דין אמת לאמתו גורם לשכינה שתסתלק מישראל שנאמר (שם יב) משוד עניים מאנקת אביונים עתה אקום יאמר ה׳. וא״ר שמואל בר נחמני א״ר יונתן כל דיין שנוטל (כמ:ן) מזה ונותן לזה שלא כדין הקב״ה (גובה) [נוטל] ממנו נפשו (משלי כב) אל תגזל דל כי דל הוא וגו׳ כי ה׳ יריב ריבם וקבע את קובעיהם נפש. וא״ר שמואל בר נחמני א״ר יונתן לעולם יראה דיין עצמו כאילו חרב מונחת לו בין ירכותיו וגיהנם פתוחה לו מתחתיו (ע״ב) שנא׳ (ש״ה ג) הנה מטתו שלשלמה ששים גבורים סביב לה וגו׳ מפחד בלילות מפחדה של גיהנם שדומה

שכינתי להיות מלומלמת בתוכו :
עמד לקום. הסתלק מעבר כ״ד : מטתו שלשלמה . שכמו של מקום : ששים גבורים . ת״ח ובה״ם

אין גאנצען אָפּ גיטָאהן. שטייט אין פסוק אַזוֹ הָט גָאט גזָאגט דער הימעל איז מיין שטוהל אונ דיא גאנצע ערד איז מיין פוסענבּיינקיל וועלכע שטוב וועט איר בּאהען פון מיינעט וועגין. זענין שוין אלע ערטער צו קליין גָאט זָאל דָארט רוהען :

י מַאי. פון וואנען ווייסען מיר אַז לא תגורו איז דער טייטש איר זאלט ניט איין זאמלען. הָט רב נחמן גזאגט עס שטייט אין פסוק ויין לא תשתה ולא תאגור: וויין וועסטו ניט טרינקען אונ דוא וועסט ניט איין זאמלען. רב אחא בר יעקב זאגט פון דעם פסוק תכין בקיץ לחמה. זיא גרייט אָן אין זומער איר בּרויט. אגרה בקציר מאכלה. זיא זאמולט איין אין די צייט פון שניט איר עסין. רב אחא בריה דרב איקא זאגט פון דעם פסוק אוגר בקיץ בן משכיל. דער קלוגער זוהן זאמולט איין זיין עסין אין זומער :

יא אמר. רבי שמואל בר נחמני האט גזאגט פון רבי יונתן וועגין דער דיין ווָאס משפט אַאמתין דין. מאכט ער רוהען דיא שכינה ביי יודין. אַזוֹי ווי עס שטייט אין פסוק אלהים נצב בעדת אל גָאט שטייט אין דיא גאטליכע עדה גאט רוהט צווישען דיא יודין ווָאס זייא זענען אגאטליכע פאלק. בקרב אלהים ישפט. אויב דער דיין וואס ער ווערט גירופען אלהים משפט דיא דינים אזוֹ אמת וויא ער וויים ביי זיך אין הארצען וועער עס איז גירעכט אונ וועער עס איז אונגירעכט. אָבער דער דיין וואס משפט ניט קיין אמתין דין בּריינגט ער דער צו אַז די שכינה זאל אָפּ גיטָאהן ווערין פון דיא יודין. אַזוֹ וויא עס שטייט אין פסוק פון דיא רויב ווָאס מען רויבּט די ארעמע לייט. אונ פון דעם גישריי וָוס דיא ארעמע לייט שרייען [וואס מען פסקנת זייא פאלשע דינים אונ מען גזלת ביי זייא זייער געלט] זאגט גאט איצט וועל איך אויף שטיין אונ וועל מיך אָפּ טאהן פון דיא יודין. נאך הָט רבי שמואל בר נחמני גזאגט פון רבי יונתם וועגין דער דיין וואס געמט געלט פון איינעם אונ גיט דעם אנדערין [צווייא מענטשין זענען גיקומען צום דיין אדין תורה. הָט דער דיין גיפסקנת צו איינעם אַז ער זאל בּצאהלין צו זיין חברו] אונ דָס איז ניט ווי דער דין איז. וועט גאט צו נעמען די נשמה פון דעם דיין. אַזוֹ וויא עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט גזלען דעם ארעם מאן. ווארום ער איז אַארעם מאן ווארום גאט וועט זיך קריגען זייער קריג. אונ דער וואס גזלת ביי דיא ארעמע לייט. וועט גאט ביי אים גזלען זיין נשמה. נאך הָט גזאגט רבי שמואל בר נחמני פון רבי יונתם וועגין. אייביג זאל דער דיין זיך פאר שטעלין גלייך ווי אַשווערד וואלט גילעגין צווישען זיינע פים אונ דער גיהנם וואלט גיוועען האָפען אונטער אים. אונ באלד ווי ער וועט פאלש פסקנן וועט ער גישטאָכען ווערין מיט דעם שווערד אונ וועט אריין פאלען אין גיהנם. אַזוֹ ווי עס שטייט אין פסוק הנה מטתו שלשלמה. דיא בעט פון שלמה. דָס מיינט מען

שדומה ללילה. דרש רבי יאשיה ואיתימא רב נחמן בר יצחק מאי דכתיב (ירמיה כא) בית דוד כה אמר ה' דינו לבקר משפט והצילו גזול מיד עושק וכי בבקר דנין וכל היום אין דנין אלא אם ברור לך הדבר כבקר אומרהו ואם לאו אל תאמרהו. ר' חייא בר אבא א"ר יוחנן מהכא (משלי ז) אמור לחכמה אחותי את אם ברור לך הדבר כאחותך שהיא אסורה לך אומרהו ואם לאו אל תאמרהו. א"ר יהושע בן לוי עשרה שיושבין בדין קולר תלוי בצואר כולן פשיטא לא צריכא אלא להתלמיד היושב לפני רבו:

לאו דוקא: מלומדי מלחמה. מלחמתה של תורה: אם ברור לך הדין כבקר. שהוא מאיר: אומרהו. והכי משמע דינו לבקר משפט הוציאהו לאור משפט: קולר תלוי. עונשה של הטייה: לתלמיד היושב לפני רבו. וזה דן לפני רבו והוא לא חקק לדבר נענש אם שתק והוא מבין ברבו בטועה: דלימטייה שיבא מכשורא. שיגיעם נסורת קטנה מן הקורה כלו' שאם נטעה ישתלש העונש בין כלנו ויקלו מעלי: שיבא. נסורת כמו כי שבבים יהיה עגל (הושע) שומרון ומתרגמינן לנסרי לוחים: טבחי.

יב רב הונא כי הוה אתי דינא לקמיה מכניף ומייתי עשרה רבנן מבי רב אמר כי היכי דלימטייה שיבא מכשורא. רב אשי כי הוה אתי טריפתא לקמיה מכניף ומייתי להו לכולהו טבחי דמתא מהסיא אמר כי היכי דלימטייה שיבא מכשורא. כי אתא רב דימי אמר

דעם בית המקדש וואס דארטין רוהט דיא שכינה. ששים גבורים סביב לה. אונ אין בית המקדש זענען גיזעסין זעכציג שטארקע מענטשין ; מגבורי ישראל. אונ נאך עלף מענטשין זענען גיזעסין פון דיא שטארקסטע יודין (דיא פרימסטע יודין. ווארום א שטארקער הייסט דער וואס שטארקט זיך אויף זיין יצר הרע) דאס איז צו זאמען די איין אונ זיבעציג סנהדרין וואס זענין גיזעסין אין בית המקדש. כלם אחזי חרב. אלע האבן גהאלטען שווערדין. מלומדי מלחמה. זיי זענין גוועזן גילערונט די מלחמה (דעם פלפול) פון די תורה. איש חרבו על ירכו יעדער פון זייא האט זיך פאר גישטעלט גלייך וויא מען וואלט גיהאלטען אשווערד אויף זיין זייט אים צו שטעכין אויב ער וועט פאלש פסקנען. מפחד בלילות. זייא האבען נאך גישראקין פאר דעם גיהנם וואס ער איז פינסטער וויא דיא נאכט. זייא זאלין ניט פאלש פסקנען. רבי יאשיה האט גידרשת אונ אנדערע זאגין רב נחמן בר יצחק האט גידרשת עס שטייט אין פסוק דיא פאמיליע פון דוד אזוי האט גאט גזאגט איר זאלט משפטין אין דער פריא דעם משפט. אונ איר זאלט רעטין דעם גיגזלתן פון זיין גזלן. צוא רעדן נאר אין דער פריא משפט מען אונ אגאנצען טאג משפט מען נישט. נאר אזוי מיינט מען אויב דער דין איז דיר קלאר אזו וויא דער פריא מארגין. זאלסטו אים פסקנען. אונ אויב דער דין איז דיר ניט קלאר זאלסטו אים ניט פסקנען. רבי חייא בר אבא הט גזאגט פון רבי יוחנן וועגן פון דעם פסוק דוא זאלסט זאגין צו דיא חכמה דוא ביסט מיין שוועסטער. אויב דעם דין ווייסטו קלאר אזוי וויא דוא ווייסט קלאר דעם דין אז דיין שוועסטער טאר ניט זיין דיין ווייב. זאלסטו פסקנען דעם דין. אונ אויב עס איז נאר עפעס אספק אין דעם דין. זאלסטו ניט פסקנען דעם דין. רבי יהושע בן לוי האט גזאגט אז צעהן דיינים זיצען ביי אדין תורה אונ זייא האבען פאלש גיפסקנת. איינגט די קייט אויף דעם האלדז פון אלע צעהן דיינים ; ווערין אלע צעהן דיינים גישטראפט. פרעגט דיא גמרא געוויס ווערין אלע גישטראפט. ענטפערט די גמרא אפילו אתלמיד זיצט פר זיין רבי. אונ עס איז גיקומען אדין תורה פר זיין רבי אונ ער הט גיזעהן ווי דער רבי הט אטעות אין דעם דין אונ ער הט זיך ניט אריין געמישט נאר ער הט געשוויגען. ווערט ער אויך גישטראפט:

יב רב הונא. אז עס פלעגט קומען אדין תורה פר רב הונא. פלעגט ער נעמען צעהן רבנן פון בית המדרש זייא זאלין זיצען מיט אים צו זאמען ביי דער דין תורה. אונ ער הט גזאגט טאמער וועלין מיר אטעות האבען אונ מיר וועלין דארפין גישטראפט ווערין. זאל אן קומען אויף יעדערין פון אונז אשפענדיל פון אבעלעק. דס הייסט וועט אן קומען אויף יעדערין פון אונז אצענטיל פון דיא שטראף. אז מען פלעגט ברייננגען אנישאכטענע בהמה פר רב אשי ער זאל זעהן אויב דיא בהמה איז טריף צוא כשר ; פלעגט ער פאר נאמלען אלע שוחטים

אמר דרש רב נחמן בר כהן מ"ד (משלי כט) מלך במשפט יעמיד א"ץ ואיש תרומות יהרסנה אם דיין דומה למלך שאינו צריך לכלום יעמיד ארץ ואם דומה לכהן שמחזר בבית הגרנות יהרסנה. דבי נשיאת אוקמו דיינא דלא הוה גמיר אמרו ליה ליהודה בר נחמני מתורגמניה דריש לקיש קום עליה באמורא קם גחין עליה ולא א"ל ולא מידי פתח ואמר (חבקוק ב) הוי אומר לעץ הקיצה עורי לאבן דומם הוא יורה הנה הוא תפוש זהב וכסף וכל רוח אין בקרבו ועתיד הקב"ה ליפרע ממעמידין שנא' (שם) וה' בהיכל קדשו הס מפניו כל הארץ:

בקיאין בטרפות: אם דומה הדיין למלך. שבקי בדינין ומלא חכמה כמלך זה שהוא עשיר: שמחזר על הגרנות. לשאול תרומותיו ואף זה צריך לחזור לשאול בדין. ופי' זה מוכח מדמייתי עלה דבי נשיאה אוקמי דיינא דלא גמיר. ותימה דבפ"ק דכתובות מייתי לה על דיין שלא לקבל שוחד ומשמע שאינו צריך לכלום שהוא עשיר כן כתבו בתוס': קום עליה באמורא. להשמיע דרשה לצבור מה שילחוש לך: וה' בהיכל קדשו. סמוך להאי קרא דהוי אומר לעץ הקיצה וגו': הס מפניו כל הארץ. יכלה על עון הזה את כל הארץ:

יג אמר ריש לקיש כל המעמיד דיין על הצבור שאינו הגון כאילו נוטע אשרה שנאמר (דברים טז) שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך וסמיך

פון דיא שטאט מחסיא. אונ ער הט גזאגט טאמער האבען מיר אטעות אונ מיר וועלין פסקנען אויף טריף כשר. אונ מיר וועלין דארפין גישטראפט ווערין. זאל אן קומען אויף יעדערין פון אונז אשפענדיל פון אבעלעק: אביסול פון דיא שטראף וואס עס דארף קומען אויף אונז. אז רב דימי איז גיקומען הט ער גזאגט רב נחמן בר כהן הט גידרשט עס שטייט אין פסוק מלך במשפט יעמיד ארץ ואיש תרומות יהרסנה. אויב דער דיין וואס משפט איז אזוי וויא אמלך וואס דארף ניט בעטין ביי קיינעם. אזוי איז דער דיין קלאר אלע דינים אונ ער דארף ניט פרעגין ביי קיינעם אדין. וועט ער אויף שטעלין די וועלט. ווייל ער וועט פסקנען אמתה דינים. אונ אויב דער דיין איז גלייך צו אכהן וואס ער גייט אין דיא שייערין בעטין תרומה: אזוי איז דער דיין ער גייט פון איין למדן צום אנדערין פרעגין דינים. אבער ער אליין קען ניט לערנען. דער דיין וועט צו ווארפען די וועלט. ווייל ער וועט פסקנען פאלשע דינים. דיא מענטשין פון נשיא האבען אמאהל גימאכט אדיין אזוי אמענטשין ווס קען ניט לערנען. האבען די מענטשין פון נשיא גזאגט צוא יהודה בר נחמני דער מתורגמן פון ריש לקיש (פאר ציטין איז גיוועזן דער מנהג אז דער חכם וואס הט גזאגט אדרשה פלעגט שטיין נעבין איהם אמתורגמן. דער חכם פלעגט זאגין אדין אויף לשון קודש צום מתורגמן (איבער זעצער). אונ דער מתורגמן פלעגט זאגין דעם דין מיט אהויכע שטימע אלע זאלין הערין אונ דאס פלעגט ער זאגין אויף תרגום. אלע זאלין פאר שטיין. ווארום דאס גאנצע פאלק האבען גירעט תרגום שפראך). שטעל דיך נעבין דעם דיין ווען ער וועט זאגין דיא דרשה. אונ דוא וועסט זיין זיין מתורגמן. דער דיין איז גיקומען זאגין דיא דרשה אונ יהודה בר נחמני הט זיך גישטעלט נעבין אים אונ ער האט זיך איין גיבויגין צום דיין הערין וואס ער וועט אים זאגן אונ דער דיין האט אים גאר ניט גזאגט. ווייל ער האט ניט גיוואוסט ווס צו זאגין. הט יהודה בר נחמני אן גיהויבין צו זאגין. דער פסוק זאגט ווי אז מען זאגט צו אהאלץ וואך דיך אויף. צו אשטיין ווס שווייגט זאגט מען וועק דיך אויף. ער זאל פסקנען. ער איז בדעקט מיט גאלד אונ זילבער אונ אין אים איז ניטא קיין אטעם. אזוי איז דער מענטש ער איז ווי אהאלץ אונ וויא אשטיין אונ צו אים זאגט מען ער זאל פסקנען. ווייל ער הט גאלד אונ זילבער דריבער הט מען אים גימאכט פאר אדיין. אונ גאט וועט שטראפן די מענטשין ווס האבן אים גימאכט פאר אדיין: אזו ווי עס שטייט אין פסוק גאט ווס ער איז אין זיין היליגען היכל. די גאנצע וועלט וועט שטיל ווערין פאר אים. פאר דער עבירה וועט ער פאר לענדין די גאנצע וועלט:

יג אמר. ריש לקיש האט גזאגט דער וואס שטעלט אויף אדיין אויף יודין אזו אמענטש וואס ער קען ניט זיין אדיין. איז גלייך וויא ער וואלט גיפלאנצט אלינדען בוים. אזוי וויא

וסמיך ליה לא תטע לך אשרה כל עץ אמר רב אשי ובמקום שיש ת"ח כאילו נטעו אצל מזבח שנאמר (שם) אצל מזבח ה' אלהיך. כתיב (שמות כ) לא תעשון אתי אלהי כסף ואלהי זהב. אלהי כסף ואלהי זהב הוא דלא עבדי הא דעץ ואבן שרי אמר רב אשי אלוה הבא בשביל כסף ואלוה הבא בשביל זהב. רב כי היה אתי לבי דינא אמר הכי ברעות נפשאי לקטלא נפיק וצבי ביתיה לית הוא עביד וריקן לביתיה עייל הלואי שתהא ביאה כיציאה. כי הוה חזי אמבוה (דספרי) [אבתריה] אמר (איוב כ) אם יעלה לשמים שיאו וגו' כגללו לנצח יאבד וגו'. מר זוטרא חסידא פי הוו מכתפי ליה בשבתא דרגלא אמר הכי (משלי כז)

כי

כל עץ. דמשמע דיין דכתיב כי האדם עץ השדה ומוקמי ליה בתלמיד: אצל מזבח. ות"ת מכפרים ומגינין כמזבח: אלוה הבא בשביל כסף. דיין שהעמידוהו ע"י שנתן ממון למלך על כך: לדינא. לדון: לקטלא. לישא עליו חטא ועל עצמו היה אומר: וצבי ביתיה לית הוא עביד. צרכי ביתו אינו עושה כאן: וריקן לביתיה עייל. שאינו משתכר כאן כלום: הלואי שתהא ביאה. שאחזור לביתי כיציאה שיצאתי מביתי בלא חטא שלא אטעה ולא אענש: אמבוה. סיעת אנשים: אם יעלה לשמים וגו'. כדי שלא תזוח דעתו עליו היה אומר כך: כגללו. גלל רעי: מכתפי לה. נושאין אותו על הכתף שהיו זקנים ואינם יכולין לרוץ ומטריחין את הצבור לעמוד בפניהם לפיכך היו עבדיהם נושאין אותם מהר: בשבתא דרגלא. שבת ששואלין בו בהלכות הרגל והיינו פנים

עס שטייט אין פסוק שופטים און שוטרים זאלסטו געבן אין דיינע אלע שטעט. געבן דעם פסוק שטייט דו זאלסט ניט פלאנצן אלינדען בוים. און קיין בוים זאלסטו ניט פלאנצן. אבוים מיינט מען אמענטש. אזו ווי עס שטייט אין פסוק דער מענטש איז ווי אבוים אין פעלד. זאגט דער פסוק דו זאלסט מאכען דיינים נאר זאלסט ניט פלאנצן אלינדען בוים. דם מיינט מען דער דיין זאל ניט זיין וויא אהאלץ. וואס ער וועט ניט וויסען צו פסקנ'ן. און אויב דוא וועכט יא מאכען אזוי אדיין. איז גלייך וויא דוא וואלסט גיפלאנצט אלינדען בוים צוא דינען עבודה זרה. רב אשי זאגט אויב מען הט גימאכט אעם הארץ פר אדיין אין אזו אשטאט וואס דארט איז דא אתלמיד חכם. איז גלייך ווי מען וואלט גיפלאנצט אלינדען בוים געבין מזבח. אזו וויא עס שטייט אין פסוק זאלסט ניט פלאנצין אלינדען בוים נעבין מזבח פון דיין גאט. ווארום אתלמיד חכם איז גלייך צום מזבח. אזוי וויא דער מזבח איז מכפר אזוי איז דער תלמיד חכם מכפר אויף זיין דור. עס שטייט אין פסוק איר זאלט ניט מאכען מיט מיר זילבערנע גאטער און גאלדענע גאטער. איז דאך אקשיא זילבערנע גאטער און גאלדענע גאטער זאל מען ניט מאכען. אבער הילצערנע און שטיינערנע גאטער זאל מען יא מאכען: האט רב אשי גזאגט אזוי מיינט דער פסוק דער גאט (דער דיין) וואס איז גיווארין ווייל ער הט גיגעבין זילבער: און דער גאט (דער דיין) וואס איז גיווארין ווייל ער הט גיגעבין גאלד. איז ער קיין דיין גיט. און עס איז גלייך וויא מען וואלט גימאכט אזילבערנע אדער אגאלדענע עבודה זרה. אז רב פלעגט קומען אין בית דין שטוב פסקנ'ן דין תורות. פלעגט ער אזו זאגין. מיט מיין אייגענעם ווילען גיי איך נהרגת (גשטראפט) צו ווערין (ווען איך וועל אטעות האבן אין דין און פסקנ'ן שלעכט) און דעם ווילן פון מיין שטוב טו איך ניט און איך וועל צוריק גיין אהיים ליידיג (איך האב נישט קיין פר דינסט פון דיא דין תורות צו שפייזין פון דעם מיינע שטוב מענטשין). הלואי זאל זיין מיין קומען אהיים אזוי וויא מיין אוועק גיין פון דער היים. אזו וויא איך גיי פון דער היים אן אעבירה. אזוי זאל איך קומען צוריק אהיים אן אעבירה: איך זאל נישט אטעות האבען אין אדין. אז רב הט גיזעהן פיל מענטשין גייען אים נאך. פון זיין כבוד וועגין. הט ער גיזאגט אין זיין הארצן זאל ניט אריין קומען קיין גרויסקייט. האט ער גזאגט דעם פסוק אפילו דיא גרויסקייט פון אמענטשין וועט אויף גיין ביז צום הימעל. פון דעסט וועגין וועט ער פאר לארין ווערין אויף אייביג אזוי וויא מיסט. מר זוטרא חסידא ווען ער איז אלט גיווארין און ער הט ניט גיקענט געשווינט גיין. און אז ער וועט דארפין דורך גיין אין בית המדרש צווישען אזוי פיל מענטשין: וועט ער אלע מטריח זיין אויף צו שטיין פר אים. דריבער אז ער פלעגט דארפין זאגין אדרשה דעם שבת פר יום טוב פלעגט מען אים טראגין אויף אשטול. און מען פלעגט לויפען מיט אים געשווינט.

כי לא לעולם חוסן ואם נזר לדור דור :

יד דרש בר קפרא מנא הא מלתא דאמור רבנן הוו מתונין בדין דכתיב (שמות כ) ולא תעלה במעלות וסמיך ליה (שם כא) ואלה המשפטים : א״ר אלעזר מנין לדיין שלא יפסיע על ראשי עם קודש שנאמר ולא תעלה במעלות וסמיך ליה ואלה המשפטים אשר תשים אשר תלמדם מיבעי ליה אמר ר׳ ירמיה ואיתימא רבי חייא בר אבא אלו כלי הדיינים כי הא דרב הונא כי הוה נפק לדינא אמר הכי אפיקו לי מאני חנותאי ומאי נינהו (חוטרי וסנדלי שיפורי ורצועי) [מקל ורצועה ושופרא וסנדלא] :

(דברים א) **טו ואצוה** את שופטיכם בעת ההיא א״ר יוחנן כנגד מקל ורצועה תהא

זר״ז

פירוש

זנשים יוצ קודם הרגל : כי לא לעולם חוסן . כמדו של אדם אינו כל הימים והיה אומר כך שלא תווה דעתו עליו) :

מתונין. רגילין בהמתנה כדי לעיין בדין יפה קודם שתתחכוהו : במעלות . בהעקב במרולס : על ראשי עם קודש . שכשהיה התורגמן דורש היו התלמידים יושבים לארץ והמפסיע ביניהם לילך ולישב במקומו נראה כמפסיע על ראשן : וסמיך ליה ואלה המשפטים . כלומר אף לשופטים אני מזהיר : כלי הדיינין . דשייכא בהו שימה דבר המיטלטל : רצועה . למלקות : מקל . למכת מרדות עד שיקבל בו : שופר . לשמתא ונידוי : סנדל . להליצה :

ואצוה . כל צואה ל׳ זירוז ה״ה דתניא כל מקום שנאמר בו צו אינו אלא לשון זירוז ועל מה זירז על המקל ועל הרצועה שיהו מטילין אימה על הצבור לשם שמים וזה ל׳ התום׳ בזה הכא זריז שלא להטיל אימה על הצבור לרדותם יותר מדאי וכן מוכח לקמן דורים מבאי קרא אזהרה לדיין שיסבול את הציבור

מען זאל נישט דארפין אויף שטיין פאר אים. אונ ער האט געוואלט אין זיין הארצען זאל ניט אבריין קומען קיין גרויסקייט. האט ער געזאגט דעם פסוק ניט אויף אייביג איז דיא שטארקייט אונ אז א מענטש זאל אפילו אן טאהן אק זין איז דס אויך ניט אויף אייביג :

יד דרש. בר קפרא האט גידרשת פון וואנען ווייסען מיר די זאך וואס דיא רבנן האבען געזאגט אז דיא דיינים דארפין גוט קלערין אדין איידער זייא ווערין אים פסקנן. ווארום עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט ארויף גיין אויף טרעפ אונ געבין דעם שטייט דאס זענען די דינים. דער פסוק מיינט אז דער דיין זאל ניט אויף געשווינט ארויף לויפען מיט זיין שכל נאך צוא קלערין אדין אונ אים פסקנן. נאר ער זאל קלערין נידעריג ׳אונ גאנץ פאמעלאך דער נאך ווען ער פסקנן. רבי אלעזר האט געזאגט פון וואנען ווייסען מיר אז דער דיין טאר ניט טרעטין אויף די קעפ פון דיא הייליגע פאלק ווארום פר צייטין איז גיוועזן דער מנהג ווען דער דרשן האט געזאגט דיא דרשה זענען אלע גיזעסין אויף דער ערד. אונ דער דרשן איז געזעסין אויף א באנק. אונ אז דער דרשן וועט גיין צווישען פאלק ביז אויף זיין ארט. זעהט דס אויס וויא ער טרעט אויף זייערע קעפ. דריבער דארף דער דרשן קומען צו דער דרשה איידער דס פאלק זעצין זיך. אונ ער דארף אוועק גיין פון בית המדרש דער נאך וויא דאס פאלק האט זיך שוין אויף גיהויבען. ווארום עס שטייט אין פסוק דו זאלסט ניט ארויף גיין אויף טרעפ אונ געבין דעם שטייט דאס זענען דיא דינים. דער פסוק זאגט אפילו דיא דיינים וואס פסקנן דינים זאלין ניט גיין צווישען דעם פאלק ווען זייא זיצען אויף דער ערד ווארום עס זעהט אויס וויא ער וואלט גיין אויף זייערע קעפ אזוי וויא מען גייט אויף טרעפ. עס שטייט אין פסוק דאס זענען דיא דינים וואס דוא זאלסט טאהן פאר זייא. האט דאך גידארפט שטיין וואס דוא זאלסט זייא לערנען. האט רבי ירמיה געזאגט אונ אנדערע זאגין רבי חייא בר אבא האט געזאגט דאס מיינט מען דיא כלים פון די דיינים. זאל ער טאהן מיט זיך. אזוי וויא רב הונא אז ער פלעגט גיין אין בית דין שטוב משפטין אדין : פלעגט ער אזוי זאגין גיט מיר דיא כלים פון מיין קראם. וואס זענען דיא כלים. א שטעקין צוא שלאגין מיט אים דעם מענטש וואס וויל ניט טאהן א מצוה. למשל ער וויל ניט זיצען אין סוכה ער וויל ניט לייגין תפילין אונ נאך אזעלכע מצות. אונ אלעדערנעם פאס צו שלאגין מלקות דעם מענטש וואס איז עובר אויף א לאו. למשל ער גייט אין שעטנז ער עסט חזיר אונ נאך אזעלכע לאוין. אונ א שופר צוא בלאזין מיט אים חרם מען זאגט אויף איינעם א חרם. אונ א שוך צוא חליצה נעמען :

טו ואצוה. משה רבינו האט געזאגט איך האב גיבאטין אייערע שופטים אין דער צייט. יעם

וריז. (פס) שמוע בין אחיכם ושפטתם צדק אמר רבי חנינא אזהרה לדיין שלא ישמע דברי בעל דין קודם שיבא בעל דין חבירו ואזהרה לבעל דין שלא יטעים דבריו לדיין קודם שיבא בעל דין חבירו קרי ביה נמי (שמוע) [שמע] בין אחיכם רב כהנא אמר מהכא (שמות כג) לא תשא לא תשיא. (דברים א) ושפטתם צדק אמר ריש לקיש צדק את הדין (בלבך) ואחר כך חתכהו בין איש ובין אחיו א"ר יהודה אפילו בין בית לעליה. ובין גרו א"ר יהודה אפילו בין תנור לכירים (סס) לא הכירו

ע"כ: שמוע בין אחיכם: כשיהיו שניהם יחד שמע דבריהם ולא תשמע דברי זה בלא זה שמסדר דברי שקר כדברי אמת לפי שאין מכחישו ומכיון שלב הדיין נוטה לו לזכות שוב אין לבו מהפך בזכות השני כל כך: שמע, דבריך בין אחיכם כשהיו שניכם יחד תשמע: לא תשא. אל תקבל שמע שוא אזהרה לדיין וקרי ביה נמי לא תשיא אזהרה לבעל דין: בין איש ובין אחיו. שאפלו להם בית בירושה אל תאמר טול אתה בית ואחיך עלייה ומה בכך הרי כל אחד יש לו דירה אלא העלה אותם בדמים והשוה חלוקתם ע"י דמים: בין גרו. ל' מגור תשמישי דירה אל תאמר יטול זה תנור וזה כירה שהרי תנור עודף על הכירה וצריך להוסיף

האט ער זיא גיבאטין רבי יוחנן זאגט ער האט זיא גיבאטין זיא זאלין נעמען אשטעקין אונ אפאס צום שלאגין [אזוי וויא פריער שטייט]. משה רבינו הט גזאגט צו דיא דיינים שמוע בין אחיכם איר זאלט הערין צווישען אייערע ברידער אונ איר זאלט משפטין ערליך. רבי חנינא זאגט דאס איז אאן זאג צום דיין ער זאל ניט הערין דיא רייד פון איין בעל דין איידער דער אנדערער בעל דין קומט. נאר ער זאל הערין זייערע טענות ווען ביידע בעלי דינים זענען צו זאמען. ווארום אז איין בעל דין וועט זיין אליין פר דעם דיין. אונ ער וועט דער ציילען זיינע טענות. אונ ווער עס זאל אים אפ לייקענען וועט ניט זיין. וועט דער דיין מיינען אז זיינע רייד איז אמת. אונ אז דיא רייד זיינע וועלין איין גיווארצילט ווערין אין הארץ פון דיין אז זיא זענען אמת. וועט שוין דער אנדערער ניט זיין בעליבט ביא דעם דיין. אבער אז ביידע בעלי דינים זענען צו זאמען. איינער טענת אונ דער אנדערער זאגט באלד עס איז ליגען. נעמט דער דיין אן ביידע ערליי טענות פאר אמת אונ פאר ליגען. אונ ער משפט וויא דער דין איז. אונ דער זעלביגער אן זאג איז אויף דעם בעל דין אז ער זאל ניט געבין צו פאר שטיין זיינע רייד צום דיין. איידער זיין חבר דער אנדערער בעל דין וועט קומען. ווארום מען דארף לייענען אין פסוק שמע בין אחיכם: דו זאלסט מאכען הערין דיינע רייד ווען איר ביידע ברידער [ביידע בעלי דינים] וועלין זיין: רב כהנא זאגט דס וויסען מיר פון דעם פסוק לא תשא שמע שוא. דאס איז אאן זאג צום דיין. ער זאל ניט הערין דיא רייד פון איין בעל דין איידער דער אנדערער בעל דין קומט. טאמער זאגט ער ליגען. אונ מען זאל לייענען לא תשיא. דאס איז אאן זאג צום בעל דין ער זאל ניט מאכען הערין זיינע רייד צום דיין איידער זיין חבר דער אנדערער בעל דין וועט קומען. נאך האט משה גזאגט איר זאלט משפטין אמת. ריש לקיש זאגט אזוי מיינט מען פריער זאלסטו אמת מאכען דעם דין אין דיין הארצען. דוא זאלסט וויסען ביי דיר אין הארצען אז דער דין איז אמת. דער נאך זאלסטו אים פסקנן. צווישען אמענטשין אונ זיין ברודער זאלט איר פסקנן אמת. רבי יהודה זאגט דאס מיינט מען אפילו צווישען אאונטערשטע שטוב אונ אאובערשטע שטוב. למשל איינער איז גישטארבין אונ האט גילאזין צוויי זיהן. אונ ער האט גילאזין אשטוב וואס הט אאונטערשטע וואהנונג אונ אאובערשטע וואהנונג. זאל דער דיין ניט זאגין איינער זאל נעמען דיא אונטערשטע וואהנונג. אונ דער אנדערער זאל נעמען דיא אובערשטע וואהנונג. נאר מען זאל שאצען וויא פיל דיא אונטערשטע וואהנונג איז ווערט. אונ וויא פיל דיא אובערשטע וואהנונג איז ווערט. אונ וויא פיל איינע איז מער ווערט ווי דיא אנדערע. זאל איין ברודער דעם אנדערין ארויס צאהלין. אונ מען זאל משפטין אמת בין גרו צווישען וואהנונג זאכען. זאגט רבי יהודה אפילו צווישען אהויבין אונ אקוימען. אז איינער איז גישטארבען אונ ער הט גילאזין צוויי זיהן. אונ ער הט גילאזין אהויבין אונ אקוימען. זאגין מיר ניט איינער זאל נעמען דעם הויבין אונ איינער זאל נעמען דעם קומען. נאר מען זאל שאצין וויא פיל דער הויבין איז מעהר ווערט וויא דער קוימען. זאל איינער דעם אנדערין ארויס צאהלין.

תכירו פנים במשפט ר' יהודה אומר לא הכירהו ר' (אליעזר) [אלעזר] אומר לא תנכרהו. אושפיזכניה דרב אתא לקמיה לדינא א"ל לאו אושפיזיכני את א"ל אין [א"ל מאי בעית] א"ל דינא אית לי א"ל (דף ח) פסילנא לך לדינא א"ל רב לרב כהנא פוק דייניה חזייה דהוה גאים [ביה] א"ל אי צייתת ואי לא מפיקנא לך רב מאונך. (דברים א) כקטן כגדול תשמעון אמר ר"ל שיהא חביב עליך דין של פרוטה כדין של מאה מנה למאי הלכתא אילימא לעיוני ביה ומיפסקיה פשיטא אלא לאקדומיה. (שם) (לא תגורו מפני איש אמר רב חנין אל תכנים דבריך מפני איש. (שם) כי המשפט לאלהים הוא א"ר חמא ברבי חנינא אמר הקב"ה לא דיין לרשעים שנוטלים ממון מזה ונותנים לזה שלא כדין אלא שמטריחין אותי להחזיר ממון לבעליו. והדבר אשר יקשה מכם א"ר חנינא ואיתימא ר'

מימיה: לא תכירהו. אם הוא אויבך: לא תנכרהו. אם הוא אוהבך לא תעשה לו כנכרי להיטיבו: א"ל. ההוא גברא לרב: לאו אושפיזיכני אנא. כלומר אין אתה זכור שעשיתי עמך חסד: א"ל: רב אין: א"ל. ההוא גברא: דינא אית לי. ורוצה אני שתהא דיין: פסילנא לך. שהזכרתני טובתך: חזייה. רב כהנא להוא גברא: דקא גאים ביה. ברב סומך ובוטח עליו ומדבר גבוהות: מפיקנא לך רב מאונך. אודיעך שאין רב יכול לסיעך דמשמתינן לך: אילימא לעיוני ביה ומיפסקיה. לאמתו: לאקדומיה. אם בא לפניך דין של פרוטה והדר ובא דין אחר של מנה הקודם לפניך הקדם לחתוך. (לא תכנים דבריך מפני איש כגון תלמיד היושב לפני רבו ורואה זכות לעני וכו' וכדאמרינן לעיל): כי המשפט לאלהים הוא. כאילו

אין פסוק שטייט לא תכירו פנים במשפט. רבי יהודה זאגט מען מיינט לא תכירהו. אז איין בעל דין איז אגוטער פריינד פון דיין, זאל זיך דער דיין ניט דער קענען מיט אים. רבי אלעזר זאגט מען מיינט לא תנכרהו. אז זיין בעל דין איז אשונא פון דיין, זאל זיך דער דיין ניט פאר פרעמדין צו אים. דער בעל הבית פון רב (וואס רב הט ביי אים געוואוהנט). איז גיקומען פאר רב מיט נאך איינעם האבין אדין תורה; האט דער בעל הבית גזאגט צו רב דוא גידיינקסט אז דו האסט ביי מיר גיוואוהנט אונ איך האב דיר גיטאהן אטובה. הט רב גזאגט צום בעל הבית יא איך גידיינק; זאג מיר ווס דארפסטו. הט דער בעל הבית גזאגט איך דארף האבען אדין תורה מיט דעם מענטשין. הט רב גזאגט צום בעל הבית איך בין פסול צו זיין אדיין ביי דיין דין תורה. ווייל דו האסט מיך דער מאנט אז דו האסט מיר גיטאהן אטובה. הט רב גזאגט צו רב כהנא גיי משפט דיא דין תורה. האט רב כהנא גיזעהן וויא דער בעל הבית רעט מיט גרויסקייט. ווייל ער איז באקאנט מיט רב. האט רב כהנא גזאגט צום בעל הבית ווילסטו פאגין דיא דין תורה איז גוט. אונ אויב דוא ווילסט ניט פאגין וועל איך דיך ליגין אין חרם אונ דו וועסט זעהן אז רב וועט גאר ניט קענען העלפין דיך ארויס צו נעמען פון חרם. אין פסוק שטייט משה הט גזאגט צו דיא דיינים אזוי וויא קליין אזוי וויא גרויס זאלט איר צו הערין. ריש לקיש זאגט מען מיינט אדין תורה פון אפרוטה זאל זיין ליב ביי דיא דיינים אזוי וויא אדין תורה פון הונדערט מאהל הונדערט גילדין. פרעגט דיא גמרא געגין וואס זאלין זייא גלייך זיין. מיר זאלין זאגין אז משה זאגט אזוי וויא מען קלערט ביי אגרויסע דין תורה פון פיל געלט. אזוי זאל מען קלערין ביי אקליינע דין תורה פון אפרוטה. געוויס מוז מען אזוי קלערין. ווארום אז מען גזלת אפרוטה ווערט מען גישטראפט אזוי גוט וויא מען גזלת פיל געלט. נאר מען מיינט געגין פריער פסקנן. אויב עס איז גיקומען אדין תורה אויף אפרוטה. דער נאך איז גיקומען אדין תורה אויף הונדערט גילדין. זאל מען פריער פסקנן דיא דין תורה פון דער פרוטה. ווייל זיא איז גיקומען פריער. עס שטייט אין פסוק לא תגורו מפני איש. האט רב חנין גזאגט מען מיינט זאלסט ניט איין זאמלען דיינע רייד ווייל דו האסט מורא פר אמענטש (עיין סימן ז). ווארום דער משפט איז צו גאט. רבי חמא ברבי חנינא זאגט גאט זאגט ניט גענוג פר דיא פאלשע דיינים וואס זייא נעמען געלט ביי דעם אונ גיבען דעם. ניט וויא דער דין איז. נאר זייא זענען מיך מטריח איך זאל דאס געלט צוריק געבין צום בעל הבית. משה הט גזאגט צו דיא דיינים די זאך ווס אייך וועט שווער זיין. איר וועט ניט וויסען צו פסקנן זאלט איר פרעגין ביי מיר. רבי חנינא האט גזאגט אונ אנדערע זאגין רבי יאשיה האט גזאגט אויף דער זאך איז משה גישטראפט גיווארין

ר' יאשיה על דבר זה נענש משה שנאמר (במדבר כז) ויקרב משה את משפטן לפני ה' מתקיף לה ר"נ בר יצחק מי כתיב ואשמיעכם ושמעתיו כתיב אי גמירנא גמירנא ואי לא אזלינא וגמירנא אלא כדתניא ראויה היתה פרשת נחלות שתכתב ע"י מש"ר אלא שזכו בנות צלפחד ונכתבה על ידן וראויה היתה פרשת מקושש שתכתב ע"י משה רבינו אלא שנתחייב מקושש ונכתבה על ידו ללמדך שמגלגלין חובה על ידי חייב וזכות ע"י זכאי. כתיב (דברים א) ואצוה את שופטיכם בעת ההיא וכתיב ואצוה אתכם בעת ההיא א"ר אלעזר א"ר שמלאי אזהרה לצבור שתהא אימת דיין עליהם ואזהרה לדיין שיסבול את הצבור עד כמה א"ר חנין ואי תימא רבי שבתאי (במדבר יא) כאשר ישא האומן את היונק:

טז כתיב (דברים לא) כי אתה תבוא וכתיב (שם) כי אתה תביא א"ר יוחנן א"ל משה ליהושע אתה והזקנים שבדור עמהם א"ל הקב"ה טול מקל והך

אתה מוציא ממון מיד הקב"ה שהרי עליו להחזיר ממון לבעליו: על דבר זה. שנטל שררה לעצמו לומר תקריבון אלי שהיל"ל תקריבון לפני השכינה: נענש משה. שלא זכה שיאמר לו פרשת נחלות עד שבאת מעשה לפניו ולא ידע מה להשיב: (מי כתיב ואשמיעכם. שהיה נוטל שררה ללמדם: אלא הא דלא נאמרה פרשת נחלות ע"י משה (כדתניא: אלא שנתחייב מקושש. ונכתב על ידו): על ידי זכאי. (ע"י משה) [ע"י בנות צלפחד]: כתיב ואצוה את שופטיכם. דמשמע שצוה את חכמיהם להדריך לבור במשפט והזוקים על כרחם: וכתיב ואצוה אתכם. לצבור עצמו הזהיר ומה הוצרך להזהירם עוד: (שיסבול. בעלי דינים אם הם מדברים כנגדו: כאשר ישא האומן את היונק. כאשר את בנו):
כי אתה תבוא גו'. משמע גם אתה כאחד מהם:
כי אתה תביא. משמע שררה נהוג עליהם:
משה אמר לו זקנים שבדור עמהם. גרסינן על פיהם עשה מעשה ולא תשרר עליהם דההוא קרא דכי אתה תבוא משה אמרו כדכתיב אל הארץ אשר נשבע ה' ובקרא דכי אתה תביא כתיב אל הארץ

[ער האט גידארפט זאגין וואס איר וועט ניט וויסען וועט מען פרעגין ביי גאט]; אזו ווי עס שטייט אין פסוק דעם דין וואס דיא טעכטער פון צלפחד האבען גיפרעגט הט משה אויך ניט גיוואוסט נאר משה האט גיגעגט זייער משפט פר גאט. האט רב נחמן בר יצחק גיפרעגט שטייט דען אין פסוק אז משה האט גזאגט דער דין וואס אייך וועט שווער זיין זאלט איר אים ברייננגען פר מיר וועל איך אייך מאכען הערין דעם דין. ער האט נאר גזאגט איך וועל הערין דעם דין. וועל איך וויסען דעם דין וועל איך אייך זאגין. אונ אויב ניט וועל איך פרעגין ביי גאט. פאר וואס זאל משה גישטראפט ווערין. ענטפערט דיא גמרא דריבער איז דיא פרשה פון ירושות ניט גיזאגט גיווארין דורך משה. אזו וויא מיר האבען גילערנט. דיא פרשה פון ירושות הט טאקי גידארפט געשריבען ווערין דורך משה. נאר דיא טעכטער פון צלפחד האבען זוכה גיוועזן אונ עס איז געשריבען גיווארין דורך זייא. אונ די פרשה פון מקושש [וואס שטייט אין סוף סדרה שלח לך] האט אויך גיבארפט געשריבען ווערין דורך משה רבינו. נאר דער מקושש איז פאר שולדיגט גיווארין זיא זאל געשריבען ווערין דורך אים. דער פסוק לערונט אונז אז אשלעכטע זאך ווערט גיטאהן דורך אשלעכטן מענטש. אונ אגוטע זאך ווערט גיטאהן דורך אגוטען מענטש. זאגט די גמרא אין איין פסוק שטייט משה האט גזאגט איך האב גיבאטין צו אייערע שופטים אין דער צייט. אונ אין אנדערין פסוק שטייט משה האט גזאגט איך האב גיבאטין צו אייך אין דער צייט. וואס האט ער גיבאטען צו דיא שופטים. אונ וואס האט ער גיבאטין צו די יודין. הט רבי אלעזר גזאגט פון רבי שמלאים וועגין משה האט גזאגט צו דיא יודין זייא זאלין מורא האבען פאר דעם דיין. אונ צו דיא דיינים האט ער גזאגט זייא זאלין אויף זיך טראגין דעם לאסט פון דיא יודין. ביז ווי פיל זאל ער ליידין. הט רבי חנין גזאגט אנדערע זאגין רבי שבתאי הט גזאגט אזו ווי אפאטער ליידט פון זיין קינד:

טז כתיב. עס שטייט אין פסוק משה האט גזאגט צו יהושע דוא וועסט קומען אין ארץ ישראל מיט דעם פאלק. זעהט אויס אז יהושע וועט זיין גלייך מיט דעם פאלק אונ גאט האט גזאגט צו יהושע דוא וועסט ברייננגען דעם פאלק. זעהט אויס אז יהושע וועט זיין זייער פירער. רבי יוחנן זאגט משה האט גזאגט צו יהושע דוא מיט דיא אלטע לייט זאלט איר זיין אויף דעם פאלק אונ דוא זאלסט ניט גיוועלטיגען אליין אויף דיא יודין. נאר מיט דיא אלטע לייט

והך על קדקדם דבר אחד לדור ואין שני דבריב לדור (וכן בדוד הוא אומר (ד"ה א כח) ויקם דוד על רגליו ויאמר שמעוני אחי ועמי אם אחי למה עמי ואם עמי למה אחי א"ר אלעזר אמר להם דוד לישראל אם אתם שומעין לי אחי אתם ואם לאו עמי אתם ואני רודה אתכם במקלות):

(דף ט) **יז תנן** ר"ע אומר לא בא שלישי אלא להחמיר עליו ולעשות דינו כיוצא באלו א"כ ענ"ש הכתוב לנטפל לעוברי עבירה כעוברי עבירה עאכ"ו שישלם שכר את הנטפל לעושה מצוה כעושה מצוה:

(דף י) **יח משנה** עבור השנה (בז') [בשלשה דברי ר"מ] רשב"ג אומר בג' מתחילים ובחמשה

אבל נשבעתי אלמא הקב"ה אמרו: דבר אחד. מנהיג אחד:

לא בא שלישי וכו'. דממ"נ מאי שנא' על פי שנים עדים כ"ש ג' למה נאמר או שלשה עדים: אלא להחמיר עליו. ליתן חומר בעדי שקר שלישי זה אע"פ שלא היה זה נידון על פיו למיתה שהרי בב' [שהעידו תחלה] נמי הוה נידון אפ"ה עשה הכתוב דינו כיוצא באלו שאם הוזמו יהרג אף השלישי מפני שנטפל לעוברי עבירה: [ק"ו שישלם שכר וכו'. דקיימא לן מדה טובה מרובה ממדת פורענות הלכך ק"ו הוא]:

לייט צו זאמען. האט גאט גזאגט צו יהושע נעם אשטעקין אונ שלאג אויף זייער קאפ. איין פירער דארף זיין אויף דיא יודין אבער ניט צוויי פירערים. אונ ביי דוד המלך שטייט אויך אזוי. דוד האט זיך גישטעלט אויף זיינע פיס אונ האט גזאגט הערט מיך צו מיינע ברידער אונ מיין פאלק. צו וואס האט ער זייא גירופען מיט צוויי נעמען. אז ער האט גזאגט צו זייא איר זענט מיינע ברידער. צו וואס האט ער גידארפט זאגין איר זענט מיין פאלק. אונ אז ער האט גזאגט צו זייא איר זענט מיין פאלק. צו וואס האט ער גידארפט זאגין איר זענט מיינע ברידער. האט רבי אלעזר גזאגט אזוי האט דוד גזאגט צו דיא יודין; אויב איר וועט מיך פאלגין; זענט איר מיינע ברידער. אונ אויב איר וועט מיך ניט פאלגין. זעגט איר מיין פאלק. אונ איך וועל אייך שלאגין מיט שטעקינס:

יז תנן. מיר האבען גילערנט רבי עקיבא זאגט עס שטייט אין פסוק דורך צוויי אדער דורך דריי עדות זאל בשטעטיגט ווערין אזאך. איז דאך אקשיא אז עס איז גענוג צוויא עדות צו וואס דארף מען דריי עדות; זאגט רבי עקיבא דער דריטער עדות איז נישט מער גקומען נאר ער זאל אויך גישטראפט ווערין גלייך מיט דיא צוויי עדות. למשל צוויי עדות ראובן אונ שמעון האבען גזאגט עדות אויף לוי אז זונטאג אין דער פריא ניין דעם זייגער איז ער גישטאנען מיט יהודה אויף דיא גאס אונ ער האט אים גיהרגת. דער נאך איז גיקומען זבולון אונ האט אויך אזוי גזאגט וויא ראובן אונ שמעון האבען גזאגט. דעם דריטען עדות זבולון דארף מען איצט גאר ניט. ווארום אן אים וואלט אויך בית דין גיפסקנט מען זאל לוי הרגנן. דער נאך זענין גיקומען צוויי עדות גד אונ אשר אונ האבען גזאגט צו ראובן אונ שמעון ווי אזוי קענט איר זאגין אז זונטאג פריא ניין דעם זייגער זענט איר גישטאנען אויף די גאס אונ איר האט גיזעהן וויא לוי האט גיהרגת יהודהן. זונטאג פריא ניין דעם זייגער זענט איר דאך גאר ניט גיוועזן אויף יענע גאס. איר זענט דאך גיוועזן מיט אונז אין פעלד. איז דער דין וואס ראובן אונ שמעון האבען גיוואלט מען זאל טאהן לוי. דאס זאל מען זייא טאהן. דארף מען הרגנן ראובן אונ שמעון. אונ לוי הרגת מען אויך. ווייל ער האט זיך בהעפט צו די פאלשע מענטשין. ווערט ער גישטראפט גלייך מיט זייא. איצט זעהן מיר אז דער פסוק שטראפט דעם מענטש וואס האט זיך בהעפט צו די מענטשין וואס האבען גיטאהן אעבירה. דעם זעלביגען שטראף וויא מען שטראפט דיא מענטשין וואס האבען גיטאהן דיא עבירה. איז דאך געוויס אז גאט וועט בצאלין שכר דעם מענטש וואס האט זיך בהעפט צו דיא מענטשין וואס האבען גיטאהן אמצוה. דעם זעלביגען בעלוינונג וויא מען בעלוינט דיא מענטשין וואס האבען גיטאהן דיא מצוה:

יח משנה; עבור. אויב מען דארף מאכען דעם יאהר מעובר. צוויי מאהל דעם חודש אדר; מוז דאס גימאכט ווערין דורך דריי דיינים אזו זאגט רבי מאיר. רבן שמעון בן גמליאל

[ובחמשה נושאין ונותנין וגומרים בשבעה: גמ'] (דף י ע"ב) הני ג' ה' וז' כנגד מי פליגי בה ר' יצחק בר נחמני וחד דעימיה ומנו ר' שמעון בן פזי ואמרי לה ר' שמעון בן פזי וחד דעימיה ומנו רבי יצחק בר נחמני חד אמר כנגד ברכת כהנים וחד אמר ג' כנגד שומרי הסף ה' מרואי פני המלך ז' רואי פני המלך. [תני ר' יוסף הני ג' וה' וז' ג' כנגד שומרי הסף ה' מרואי פני המלך ז' רואי פני המלך] א"ל אביי לרב יוסף עד האידנא מ"ט לא פריש לן מר הכי א"ל לא הוה ידענא דצריכיתו מי בעיתו מינאי מלתא ולא אמרי לכו:

[כנגד ברכת כהנים. בפסוק ראשון ג' תיבות ובשני ה' תיבות ובשלישי ז' תיבות: שלשה כנגד שומרי הסף וכו'. כלומר אשכחנא דמלכותא דארעא שלשה ממונין וחמשה ממונין ושבעה ממונין] ג' כנגד שומרי הסף דצדקיהו גבי גלות נבוזראדן וחמשה נמי מכתב ה' מרואי פני המלך ובאחשורוש השבעה ז' שרי פרס ומדי ועבור שנה מטכסיסי מלכות שמים הוא לישב סדר השנים על מכונן:
במזומנים לה. שהזמינן הנשיא מבערב: השכימו לי. אמר ז' לעלייה המיוחדת לישב בה [בה] בית דין (כלומר שיבאו וכדי שהיה לאו ושם ז' לעבר

יט ת"ר אין מעברין את השנה אלא (דף יא) במזומנים לה מעשה בר"ג שאמר השכימו לי שבעה לעלייה השכים ומצא שמונה אמר מי הוא שעלה שלא ברשות

זאגט דריי דיינים זאלין אין היבין קערין צו מען דארף וועצין דיינים זייא זאלין קערין אויף דעם עבור. אויב צוויי דיינים פון דיא דריי זאגין מען דארף ניט וועצין דיינים אויף דעם עבור. דער יאר וועט געווים ניט זיין קיין עבור. וועצט מען ניט קיין דיינים. אונ אויב צוויי דיינים זאגין מען דארף וועצין דיינים זייא זאלין קערין אויף דעם עבור. וועצט מען צו דיא דרייא דיינים נאך צוויי דיינים. אונ אלע פינף דיינים קלערין אויב מען זאל מאכען אעבור. אויב דריי פון די פינף זאגין דער יאהר דארף ניט זיין אעבור. איז ער ניט קיין עבור. אבער אז דרייא פון דיא פינף זאגין דער יאהר דארף זיין אעבור. וועצט מען צו דיא פינף נאך צוויי דיינים עס זאל זיין זיבען דיינים. אונ דיא זיבען דיינים זאגין דער יאהר איז מעובר. מאכט מען שוין צוויי מאהל אדר. פרעגט דיא גמרא געגין וואס איז דאס צוא טיילונג. דריי דיינים. אונ פינף דיינים. אונ זיבען דיינים. פר וואס זאלין ניט זיצען באלד אין אנהייב זיבען דיינים. ענטפערט דיא גמרא אין דעם קריגט רבי יצחק בר נחמני אונ נאך איינער מיט אים אונ דאס איז רבי שמעון בן פזי. אונ אנדערע זאגין אין דעם קריגט רבי שמעון בן פזי אונ נאך איינער מיט אים אונ דאס איז רבי יצחק בר נחמני. איינער זאגט דיא דריי אונ פינף אונ זיבען. איז געגין דיא ברכה פון די כהנים. אין ערשטין פסוק שטייט דריי ווערטער: אין אנדערין פסוק שטייט פינף ווערטער. אין דריטען פסוק שטייט זיבען ווערטער. אונ איינער זאגט אזו וויא ביי אמלך איז דא דריי מענטשין וואס שטייען ביי די שוועל צו היטען אים. אונ פינף זענען דא וואס זעהן דעם פנים פון מלך. אונ אמאהל זענין דא זיבען וואס זעהן דעם פנים פון מלך. אזו צו מאכען אעיבור דארף אויך זיין דרייא אונ פינף אונ זיבען. רב יוסף האט גילערונט דיא דרייא אונ פינף אונ זיבען דיינים. דרייא זענען געגין דיא דרייא וואס שטייען ביי דיא שוועל צוא היטען דעם מלך. פינף זענען געגין דיא פינף וואס זעהן דעם פנים פון מלך. זיבען זענען געגין דיא זיבען וואס זעהן דעם פנים פון מלך. אביי האט גזאגט צו רב יוסף פאר וואס האט דער רבי דאס אונז ניט גזאגט ביז איצט: האט רב יוסף גזאגט איך האב ניט גיוואוסט אז איר דארפט מען זאל דאס אייך זאגין: איך האב גימיינט איר ווייסט שוין אליין. האט איר דען גיפרעגט בייא מיר אזאך אונ איך האב אייך ניט גיזאגט:

יט תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט מען טאר ניט מעבר זיין דעם יאהר. נאר דורך דיא דיינים וואס דער נשיא האט זייא אן גיברייט פארין נאכט אז מארגין זאלין זייא קומען אין בית דין שטוב קערין אויף דעם עיבור. עס האט אמאהל גיטראפען רבן גמליאל הט גזאגט צוא זיין בעדינער גיי ברייט אן זיבען דיינים וואס זאלין קומען מארגין גאנץ פריא אויף דיא אובערשטע שטוב וואס איך האב אן גיברייט מען זאל דארט מעבר זיין דעם יאהר. מארגין פריא איז רבן

ברשות ירד. עמד שמואל הקטן ואמר אני הוא שעליתי
שלא ברשות ולא לעבר השנה עליתי אלא ללמוד
הלכה למעשה הוצרכתי א"ל שב בני שב ראויות כל
השנים כולם להתעבר על ידך אלא אמרו חכמים אין
מעברין את השנה אלא במזומנים לה ולא שמואל
הקטן הוה אלא איניש אחרינא ומהמת כיסופא הוא
דעבד כי הא דיתיב רבי וקא דריש והריח ריח שום
אמר מי שאכל שום יצא עמד רבי חייא ויצא עמדו כולן ויצאו בשחר מצאו ר"ש ברבי
לר' חייא א"ל אתה הוא שציערת לאבא אמר ח"ו לא תהא כזאת בישראל ורבי חייא
מהיכא גמר לה מרבי מאיר דתניא מעשה באשה אחת שבאת לבית מדרשו של ר"מ
אמרה לו רבי אחד מכם קדשני בביאה עמד ר"מ וכתב לה גט כריתות ונתן לה עמדו כולם
כתבו ונתנו לה ור"מ מהיכא גמר לה משמואל הקטן ושמואל הקטן מהיכא גמר לה משכניה
בן יחיאל דכתיב (עזרא י) ויען שכניה בן יחיאל מבני עילם ויאמר לעזרא אנחנו מעלנו
באלהינו

את השנה דנפיא כוה מן המנין) : לא לעבר
שנה עליתי . להצטרף עמהם עכשיו : אלא ללמוד .
תורה מפי היאך תעשו : מהמת כיסופא הוא
דעבד . שלא יכירו מי היה עולה שלא ברשות
וילבינו פניו : שציערת לאבא . שאכלת השום ונדף
הריח : חס ושלום . שאוכל שום בבואי לבית
מדרשו אלא כדי שלא נהלבין פניו של אוכל השום
יצאתי כדי שיצאו כולם ולא יכירו מי הוא : משמואל
הקטן . כדאמרן : אנחנו מעלנו . והוא לא נשא

גמליאל גיקומען אויף דיא אובערשטע שטוב האט ער גיפונגען אכט מענטשין. האט רבן גמליאל
גזאגט דער וואס איז ארויף גיקומען אן ערלויבנים זאל ער אראפ גיין. האט שמואל הקטן זיך
גישטעלט אונ האט גזאגט איך בין ארויף גיקומען אן ערלויבנים. אונ איך בין ניט ארויף גיקומען
מעבר זיין דעם יאהר. נאר איך בין גיקומען לערנען אונ זעהן וויא אזוי מען איז מעבר דעם יאהר.
האט רבן גמליאל גזאגט צו שמואל הקטן זיץ מיין זוהן. אלע יאהרין וואלט מען גימעגט מעבר זיין
דורך דיר אליין; נאר דיא חכמים האבען גזאגט מען טאר ניט מעבר זיין דעם יאהר נאר דורך
דיא דיינים וואס זענען אן גיברייט גיווארין פון נעכטין צו מעבר זיין דעם יאהר. אונ דיך האט מען
נעכטין ניט אן גיברייט. אונ דער וואס איז ארויף גיקומען אן ערלויבנים איז ניט גיוועזען שמואל
הקטן. נאר איין אנדערער. אונ ווייל יענער זאל ניט פאר שעמט ווערין האט שמואל הקטן גזאגט
אויף זיך. אזוי וויא רבי איז אמאהל גיזעסן אונ האט גידרשת. האט ער דער שמעקט ארית פון
קנאביל. האט רבי גזאגט ווער עס האט גיגעסין קנאביל זאל ארויס גיין. איז רבי חייא אויף
גישטאנען אונ איז ארויס גיגאנגען. זענען אלע תלמידים ארויס גיגאנגען; אויף מארגין פריא האט
רבי שמעון דער זוהן פון רבי גיטראפען רבי חייא. אונ האט גזאגט צו אים דו האסט דאס מצער
גיוועזען נעכטין מיין פאטער מיט דיינע קנאביל וואס דוא האסט גיגעסין. האט רבי חייא גזאגט חס
ושלום איך וועל ניט עסין קנאביל ווען איך וועל דארפין גיין צו דיין פאטער אין בית המדרש.
ווארום אזעלכעס וועט ניט זיין ביי יודין מען זאל מצער זיין דיין פאטער. נאר פאר וואס בין איך
ארויס גיגאנגען. ווייל איך האב ניט גיוואלט דער מענטש וואס האט גיגעסען דיא קנאביל זאל
פאר שעמט ווערין. אונ רבי חייא האט דס אפ גילערינט פון רבי מאיר. ווארום מיר האבען גילערנט
עס האט אמאהל גיטראפען אאשה איז גיקומען צו רבי מאיר אין בית המדרש אונ זיא האט גזאגט
צו רבי מאיר רבי איינר פון אייך האט מיך מקדש גיוועזען מיט דעם וואס ער האט מיך בועל גיוועזען. האט
זיך רבי מאיר גישטעלט אונ האט געשריבען א גט. אונ האט איר גיגעבין. זענען אויף גישטאנען
אלע תלמידים אונ יעדער האט געשריבען א גט אונ האט איר גיגעבין. מען זאל ניט וויסען ווער עס
האט איר בועל גיוועזען. אונ רבי מאיר האט דאס אפ גילערונט פון שמואל הקטן (אזוי וויא פריער
שטייט). אונ שמואל הקטן האט דאס אפ גילערונט פון שכניה בן יחיאל. ווארום עס שטייט אין
פסוק שכניה בן יחיאל פון די קינדער פון עילם האט גזאגט צו עזרא מיר האבען גיפעלשט אין אונזער
גאט אונ מיר האבען גיזעצט אין אונזערע שטובין (דאס הייסט מיר האבען חתונה גיהאט מיט
גוישע ווייבער. וואס מיר האבען גינומען פון דיא פעלקער פון דעם לאנד. איז איצט דא
אאפענינג. צו דיא יודין גאט זאל זייא מוחל זיין אויף דיא עבירות. אונ שכניה בן יחיאל האט

באלהינו ונושב נשים נכריות מעמי הארץ ועתה יש (תקוה) [מקוה] לישראל על זאת ושכניה בן יחיאל מהיכא גמר לה מיהושע דכתיב (יהושע ז) ויאמר ה׳ אל יהושע (קם לך) למה זה אתה נופל על פניך חטא ישראל אמר לפניו רבש״ע מי חטא אמר לו וכי דילטור אני לך הטל גורלות ואבע״א ממשה דכתיב (שמות טז) עד אנה מאנתם:

נכרית והכנים עצמו בכלל שלא נהלבין פניהם: מיהושע. ממעשה דיהושע שלא רצה הקב״ה לגלות לו מי הוא ההוטא והכנים את כולן בכלל שנאמר חטא ישראל במעשה דעכן: דילטור. רכיל: מאנתם. כולן בכלל והרי כולן לא יצאו ללקוט אלא מקצת דכתיב יצאו מן העם ללקוט וגו׳:
משמתו נביאים וכו׳. משום שמואל הקטן נקט נקט

ת״ר משמתו נביאים האחרונים חגי זכריה ומלאכי נסתלקה רוה״ק מישראל ואף עפ״כ היו משתמשים בבת קול פעם אחת היו מסובין בעליית בית גוריא ביריחו ונתנה עליהם בת קול מן השמים יש כאן אחד שראוי שתשרה עליו שכינה כמשה רבינו אלא שאין דורו זכאי לכך נתנו חכמים עיניהם בהלל הזקן וכשמת אמרו עליו הי הסיד הי עניו תלמידו של עזרא: שוב פעם אחת היו מסובין בעליה ביבנה ונתנה עליהם בת קול מן השמים יש כאן אחד שראוי שתשרה עליו שכינה אלא שאין דורו זכאי לכך נתנו חכמים את עיניהם בשמואל הקטן וכשמת אמרו עליו הי חסיד הי עניו תלמידו של הלל אף הוא אמר בשעת מיתתו שמעון וישמעאל לחרבא

ניט גינומען גוישע ווייבער. פון דעסטוועגן האט ער ניט גזאגט אויף יודין איר האט גינומען נאר ער האט גזאגט מיר האבען גינומען. האט ער גזאגט אויף זיך אויך. ניט צו פאר שעמען אנדערע יודין. אונ שכניה בן יחיאל האט דס אפ גילערונט פון יהושע. וואָרום עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צו יהושע שטייא אויף פר וואס ביסטו גיפאלען אויף דיין פנים יודין האבען געזינדיגט. האט יהושע גזאגט פר גאט רבונו של עולם וועלכער יוד האט געזינדיגט. האט גאט גזאגט צו יהושע בין איך דען ארכילות זאגער. וואַרף גורל וועסטו ויסען ווער דער יוד איז. זעהן מיר אז גאט האט ניט גיוואלט פאר שעמען דעם יוד וואס האט געזינדיגט. אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין מיר לערנען אפ פון משה רבינו. וואָרום עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צוא משה ביז וויא לאנג וועט איר ניט וועלין היטען מיינע מצות. אביסול זענען דאך נאר גיוועהן דיא וואס האבען ניט געהיט דיא מצות. פון דעסטוועגין האט גאט גזאגט אויף אלע יודין. ניט צוא פאר שעמען דיא מענטשין וואס האבען גיטאהן די עבירה:

ב תנו רבנן. דיא רבנן האבין גילערנט ווען דיא לעצטע נביאים זענען גישטארבין. דאס איז חגי אונ זכריה אונ מלאכי. איז אפ גיטאהן גיווארין דער רוח הקודש פון דיא יודין. פון דעסטוועגין פלעגין יודין וויסען זייערע זאכין ווייל עס פלעגט ארויס גיין אקול פון הימעל אונ פלעגט זאגין: אמאהל זענען דיא חכמים גיזעסין אין אאויבערשטע שטוב פון דעם מענטש וואס הייסט גוריא אין דיא שטאט יריחו. איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גיזאגט דא צווישען אייך איז דא איינער וואס ער איז ווערט דיא שכינה זאל אויף אים רוהען אזוי וויא אויף משה רבינו. נאר זיין דור איז ניט ווערט דיא שכינה זאל רוהען צווישען זייא. האבין דיא חכמים גיגעבין זייערע אויגין אז דאס מיינט מען הלל הזקן. אונ אז הלל הזקן איז גישטארבין האט מען אויף אים גיזאגט אין הספד ווא איז דער חסיד. ווא איז דער עניו. דער תלמיד פון עזרא. נאך אמאהל האט גיטראפין אז דיא חכמים זענען גיזעסין אין אאויבערשטע שטוב אין יבנה. איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גיזאגט דא צווישען אייך איז דא איינער וואס ער איז ווערט דיא שכינה זאל אויף אים רוהען: נאר זיין דור איז ניט ווערט דיא שכינה זאל רוהען צווישען זייא. האבין דיא חכמים גיגעבין זייערע אויגין אז דאס מיינט מען שמואל הקטן. אונ אז שמואל הקטן איז גישטארבין האט מען אויף איהם גיזאגט אין זיין הספד ווא איז דער חסיד. ווא איז דער עניו. דער תלמיד פון הלל. אונ שמואל הקטן איידער ער איז

לחבא וחברוהי לקטלא ושאר עמא לביזא ועקן סגיאן עתידן למיתי על עלמא. ועל יהודה בן בבא בקשו לומר כן אלא שנטרפה שעה שאין מספידין על הרוגי מלכות:

(שם ע"ב) **כא אין** מעברין את השנה (דף יב) בשני רעבון תניא רבי אומר (מ"ב ד)

ואיש בא מבעל שלשה ויבא לאיש האלהים לחם בכורים וגו' ואין לך קלה בכל א"י לבשל פירותיה כבעל שלשה ואעפ"כ לא בכרה אלא מין אחד שמא האמר חטים ת"ל שעורים ושמא תאמר לפני העומר ת"ל (שם) תן לעם ויאכלו אחר העומר היה. אמור מעתה ראויה היתה אותה שנה שתתעבר ומפני מה לא עיברה אלישע ששנת בצורת היתה והיו הכל רצין לבית הגרנות:

ת"ר

הכא: אף הוא הוכיח. סופו שהרתה עניו שהיתה מתנבא בשעת מיתתו: שמעון וישמעאל לתרבות. רשב"ג הנשיא ורבי ישמעאל בן אלישע כהן גדול יהרגו בחרב: וחביריו. כגון ר"ע ורבי חנינא בן תרדיון לקטלא. לאחר מיתות ר"ע נמסרקות של ברזל בפרק הרואה ורבי חנינא בשריפה בגנפי האדיק: לומר כן. אותו הספד הי חסיד הי עניו: אלא שאין מספידין על הרוגי מלכות. מפני יראת המלך ומהרו נקברו:

בשני רעבון. לפי שכלה התבואה וצריכין לאכול מן החדש: לחם בכורים. לחם זה ב משמע שעכשיו היה מתבכר: ושמא תאמר חטים היו. שכן אפילו לכך נתאחרו לבשל עד אחר הפסח ת"ל לחם שעורים: ושמא תאמר לפני העומר היה. וזמן ביכור: ת"ל תן לעם ויאכלו. מלמד שקרב העומר והותר החדש: אמור מעתה ראויה היתה אותה שנה שתתעבר. על האביב שבשביע ניסן עדיין לא היה רוב אביב דהא נאמר י"ו בניסן לא בכרו אלא שעורים ולא קרינן ביה חדש האביב: ששנת בצורת היתה. בקראי מצרכת לה:

גשטארבן האט ער גזאגט נביאות. אז רבן שמעון בן גמליאל אונ רבי ישמעאל בן אלישע כהן גדול וועלין גיהרגט ווערן דורך דעם שווערד. אונ זייערע חברים וועלין גהרגט ווערין מיט איין אנדער טויט. רבי עקיבא האט מען גיקעמט זיין לייב מיט אייזערנע קאמען ביז ער איז גשטארבן. אונ רבי חנניא בן תרדיון האט מען פאר ברענט אין פייער. אונ דאס איבעריגע פאלק וועט מען רויבין אונ פיל צרות וועט קומען אויף דער וועלט. אונ אויף יהודה בן בבא האט מען אויך גיוואלט אזוי זאגין. וואו איז דער חסיד ווא איז דער עניו. נאר עס איז אוועק גינומען גיווארין דיא צייט עס איז ניט גיוועזן דיא צייט דאס צו זאגין. ווייל מען האט מורא גיהאט מספיד זיין דיא מענטשין וואס זענען גיהרגט גיווארין דורך דער גזרה פון מלך. נאר מען האט זייא אויף געשווינד בגראבין:

כא אין. מען איז ניט מעבר דעם יאהר אין אהונגער יאהר. ווייל דיא אלטע תבואה איז שוין ניטא. אונ דיא נייע הביאה טאר מען ניט עסין ביז דעם, אנדערין טאג פסח נאך דעם עומר מקריב זיין, דריבער מאכט מען ניט צווייא מאהל אדר. פסח זאל געשווינט ווערין. וועט מען מקריב זיין דעם עומר. וועט מען מעגין עסין פון דיא נייע תבואה. מיר האבען גילערנט רבי זאגט עס שטייט אין פסוק אמענטש איז גיקומען פון בעל שלשה אונ ער האט גיבראכט צום גאטליכען מאן (צו אלישע) צוואנציג ברויט פון דיא ערשטע צייטיגע תבואה. אונ גאנץ ארץ ישראל איז ניטא קיין ארט וואס זאל אזוי געשווינט צייטיג ווערין פירות אזו וויא אין בעל שלשה. פון דעסטוועגין איז נאך דאמאלס ניט גיוועזן צייטיג נאר איין מין. טאמער וועסטו זאגין ווייץ איז גיוועזן צייטיג. שטייט אין פסוק דיא ברויט איז גיוועזן פון גערשטין. טאמער וועסטו זאגין דאס איז גיוועזן פאר פסח. פר דעם עומר מקריב זיין. שטייט אין פסוק אלישע האט גזאגט צו גיהזי גיב צום פאלק זאלין זייא עסין. איז דאך דאס גיוועזן דער נאך ווי מען האט שוין מקריב גיוועזן דעם עומר. ווארום פר דעם עומר מקריב זיין טאר מען דאך ניט עסין פון נייע תבואה. זעהן מיר דאך אז דיא תבואה פון דעם יאהר זענען שפעט צייטיג גיווארין. האט מען דאך גידארפט דעם יאהר מעבר זיין. אונ מאכען צוויי מאהל אדר. נאר פר וואס האט אלישע ניט מעבר גיוועזן דעם יאהר. ווייל עס איז גיוועזן אהונגער יאהר זענען אלע גילאפען צו די שייערין עסין פון די נייע תבואה. האט מען גימוזט מאכען געשווינט פסח אונ מקריב זיין דעם עומר מען זאל מעגין עסין די נייע תבואה:

כב (ת"ר אין מעברין את השנה לפני ר"ה וכו' אבל כפני הדחק מעברין אותה אחר ר"ה מיד ואעפ"כ) אין מעברין אלא אדר איני והא שלחו ליה לרבא זוג בא מרקת ותפשו נשר ובידם דברים הנעשה בלוז ומאי ניהו תכלת בזכות הרחמים ובזכותם יצאו בשלום ועמוסי ירכי נחשון בקשו לקבוע נציב אחד ולא הניחן אדומי הלז אבל בעלי אסופות נאספו וקבעו ליה נציב אחד בירח שמת בו אהרן הכהן השובי מחשבי גלויי לא מגלו מאי משמע דהאי נציב לישנא דירחא שנא' (מ"א ד) ולשלמה י"ב נציבים על כל ישראל וכלכלו את המלך ואת אנשיו חרש בשנה והכתיב (שם) ונציב אחד בארץ רב יהודה ורב נחמן חד אמר אחד ממונה על כלם וחד אמר כנגד חדש העיבור :

[אין מעברין. אין יושבין ב"ד קודם ר"ה לעיין ולומר שתעובר שנה זו בשני אדרים מפני שיש שכחה בדבר קודם שיגיע ומזלזלין בחמץ : אבל מפני הדחק . שמא לא יהא שם ב"ד מופלא כגון לאדר או שמא יבא המלך פרסי ויתעכב על ידן מעברין אותו ומודיעין לגולה אחר ר"ה מיד שעיברנוהו] : ואע"פ כן אין מעברין . אותה בב' חדשים אחרים אלא כשיגיע אדר יעשו ב' אדרים : זוג (של) [ב'] ת"ח : בא מרקת . טבריא : ותפשו [נשר] חיל פרסי יש : [דברים הנעשים בלוז] . תכלת בלוז עושין כדאמרינן בסוטה היא לוז שצובעין בה תכלת : עמוסי ירכי נחשין. נשיא שבא"י שהוא מזרע נחשון בן עמינדב ראשון לנשיאים : בקשו לקבוע נציב א'. בקשו להוסיף חדש אחד על השנה לעברה : ולא הניחן אדומי הלז . המלכות גזרה עליהן : בירח שמת בו אהרן . באב אלמא מפני הדחק מעיינים בעיבור שנה קודם ר"ה : גלויי לא מגלו . עד לאחר ר"ה שלא ישכחו בני הגולה : נציבים . ממונים : חדש בשנה . יהיה על כל אחד לכלכל : כנגד חדש העיבור . בשנה מעוברת היה אותו נציב מכלכל באדר שני :

ת"ר

כב תָּנוּ רַבָּנָן. די רַבָּנָן הָאבֶּען גֶילֶערנְט פַאר ראֹשׁ הַשָּׁנָה טָארִין נִיט בֵּית דִּין מְעַבֵּר זַיין דֶעם יָאהר. זַייא טָארִין נִיט זָאגִין דֶער יָאהר וָואס וֶועט קוּמֶען זָאל זַיין צְווייא מָאהל אֲדָר. נָאר אַז מֶען מוּז אִיז מֶען מְעַבֵּר דֶעם יָאהר בַּאלְד נָאךְ ראֹשׁ הַשָּׁנָה פוּן דֶעסְטְוֶועגִין אִיז מֶען נִיט מְעַבֵּר קֵיין אַנְדֶער חוֹדֶשׁ נָאר דֶעם חוֹדֶשׁ אֲדָר. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא עֶס אִיז דָאךְ נִיט אַזוֹי. מֶען הָאט דָאךְ גֶעשִׁיקְט צוּ רָבָא צְווייא תַּלְמִידֵי חֲכָמִים זֶענֶען גִיקוּמֶען פוּן רֶקֶת [פוּן טְבֶרְיָא]. אוּנ דֶער חַיִל פוּן פֶּערְסִיֶע וָואס אוֹיף זֵייעֶר פָאן אִיז גִימָאלְט אַאָדְלֶער הָאבֶּען גֶיתַפְּסְ'ט דִיא צְווייא תַּלְמִידֵי חֲכָמִים. אוּנ דִיא צְווייא תַּלְמִידֵי חֲכָמִים הָאבֶּען גִיהַאט בַּיי זִיךְ דִי זַאכֶען וָואס וֶוערִין גִימַאכְט אִין לוּז. אוּנ וָואס וֶוערְט גִימַאכְט אִין לוּז. דָארְט פַארְבְּט מֶען תְּכֵלֶת צוּ צִיצִית. אוּנ אִין דֶעם זְכוּת פוּן דִיא רַחֲמָנוּת פוּן גָאט אוּנ אִין זֵייעֶר זְכוּת זֶענֶען זֵייא אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען מִיט שָׁלוֹם פוּן דֶעם חַיִל. אוּנ דֶער נָשִׂיא פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס עֶר אִיז פוּן דִיא קִינְדֶער פוּן נַחְשׁוֹן בֶּן עַמִּינָדָב (בִּקְשׁוּ לִקְבּוֹעַ נְצִיב אֶחָד) הָט עֶר גִיוָואלְט מַאכֶען נָאךְ אֵיין חוֹדֶשׁ אֲדָר. הָאט דֶער מֶלֶךְ אִים נִיט גִילָאזִין. אָבֶּער דִי חֲכָמִים הָאבֶּען זִיךְ פַאר זַאמְלְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ וָוס אַהֲרֹן הַכֹּהֵן אִיז גִישְׁטָארְבֶּען [אִין חוֹדֶשׁ אָב] אוּנ זֵייא הָאבֶּען גִזָאגְט אַז דֶער יָאהר וָואס וֶועט קוּמֶען זָאל זַיין צְווייא מָאהל אֲדָר. זֶעהְן מִיר אַז אִין חוֹדֶשׁ אָב וַוייט פַאר ראֹשׁ הַשָּׁנָה מֶעג מֶען שׁוֹין קְלֶערִין אוֹיף דֶעם יָאהר וָואס וֶועט קוּמֶען אוֹיבּ עֶס וֶועט דַארְפִין זַיין צְווייא מָאהל אֲדָר. עֶנְפֶערְט דִיא גְמָרָא קְלֶערִין מֶעג מֶען טַאקִי פַר ראֹשׁ הַשָּׁנָה אוֹיךְ. אוּנ בֵּית דִּין מֶעגִין אַפִּילוּ רֵיידִין צְווִישֶׁען זִיךְ אַז דֶער יָאהר וָואס וֶועט קוּמֶען זָאל זַיין צְווייא מָאהל אֲדָר. נָאר אוֹיס זָאגִין זָאלִין זֵיי נִיט פַר קִינֶעם בִּיז נָאךְ ראֹשׁ הַשָּׁנָה: זָאגְט דִיא גְמָרָא פוּן וַואנֶען ווייסֶען מִיר אַז נְצִיב מֵיינְט מֶען אַחוֹדֶשׁ. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָט גִזָאגְט צְוֶועלְף נְצִיבִים [פִירְשְׁטֶען] זָאלֶען זַיין אוֹיף דִי יוּדִין. אוּנ זֵיי הָאבֶּן גִישְׁפַּייזְט דֶעם מֶלֶךְ מִיט זַיינֶע מֶענְטְשִׁין. יֶעדֶער נְצִיב [פִירְשְׁט] הָאט גִישְׁפַּייזְט אַחוֹדֶשׁ אִין יָאהר. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין פָּסוּק וּנְצִיב אֶחָד בָּאָרֶץ. אֵיין פִירְשְׁט אִיז גִיוֶועזְן אִין לַאנְד. צוּא שְׁפַּייזִין דֶעם מֶלֶךְ. נִיט צְוֶועלְף פִירְשְׁטֶען: עֶנְפֶערְט דִיא גְמָרָא רַב יְהוּדָה אוּנ רַב נַחְמָן קְרִיגֶען. אֵיינֶער זָאגְט אֵיין פִירְשְׁט אִיז גִיוֶועזְן אוֹיף דִיא אַלֶע צְוֶועלְף פִירְשְׁטֶען: אוּנ אֵיינֶער זָאגְט דֶער דְרַייצֶעהְנְטֶער פִירְשְׁט אִיז גִיוֶועזְן צוּא שְׁפַּייזִין דֶעם מֶלֶךְ דֶעם חוֹדֶשׁ פוּן עִבּוּר. דֶעם אַנְדֶערִין אֲדָר. אוּנ וַוייל דֶער פִירְשְׁט פוּן יֶעדֶער חוֹדֶשׁ הֵייסְט נְצִיב. דְרִיבֶּער רוּפְט מֶען דֶעם חוֹדֶשׁ אוֹיךְ נְצִיב:

כג ת"ר אין מעברין את השנה מפני הטומאה ר' יהודה אומר מעברין א"ר יהודה מעשה בחזקיה מלך יהודה שעיבר את השנה מפני הטומאה ובקש רחמים על עצמו דכתיב (ד"ה ב ל) כי מרבית העם רבת מאפרים ומנשה יששכר וזבלון לא הטהרו כי אכלו את הפסח בלא ככתוב כי התפלל יחזקיהו עליהם לאמר ה' הטוב יכפר בעד . ר"ש אומר אם מפני הטומאה עיברוה מעוברת אלא מפני מה בקש רחמים על עצמו שאין מעברין אלא אדר והוא עיבר ניסן בניסן ר' שמעון בן יהודה אומר משום ר"ש מפני שהשיא את ישראל לעשות פסח שני :

ומפני הטומאה. כגון שהיה נשיא חולה ואמדוהו למות ערב הפסח או ששה ימים קודם ויהיו טמאים הן שהיו רובן טמאים בסוף אדר וכלתה אפר הפרה ואינן יכולין למצוא עכשיו פרה אדומה אין מעברין בכך אלא יעשו בטומאתן : שעיבר את השנה מפני הטומאה. שנטמאו בימי אחז והיו מע"ז שלא השבו לתורה והיה חזקיהו מחזירן למוטב וידע שלא יספיקו כולן לבא וליטהר עד הפסח ועבר השנה : ובקש רחמים על עצמו. שימחל לו עון ולקמן פריך כולהו ולר"י מעברין למה בקש רחמים על עצמו : כי אכלו את הפסח בלא ככתוב. שעיבר את השנה מפני הטומאה שלא כדת : ניסן בניסן. לאחר שקדשו נשם ניסן הזה ונמלך ועשאו אדר השני : ר"ש בן יהודה אומר. לא עבירה אלא השיאן לפסח שני שלא כדין לפיכך בקש רחמים על עצמו :

מיסמך

(דף יג ע"ב) **כד** אמר לו אביי לרב יוסף מיסמך סבי בשלשה מנ"ל אילימא מדכתיב

כג תנו רבנן : די רבנן האבען גירערט מען טאר ניט מעבר זיין דעם יאהר ווייל מען וועט זיין טמא אויף פסח (דהיינו דער נשיא איז געוועזן קראנק און דאקטערים האבען געזאגט אז ערב פסח אדער עטליכע טעג פאר פסח וועט ער שטארבען . וועלין אלע יודין טמא ווערין ביי זיין לויה . און מען וועט ניט קענען ריין ווערין אויף פסח צו עסין דעם קרבן פסח . ווייל דער וואס ווערט טמא פון אמת מוז ער זיין טמא זיבען טעג . אדער דאס מערסטע יודין זענין געוועזן טמא אין סוף אדר און עס הט פאר פעלט דיא אש פון דיא פרה אדומה . און ביז מען וועט באקומען א פרה אדומה און עס וועט זיין פון איר אש . און מען וועט שפריצען אויף דיא מענטשין . וועט דער ווייל ווערין פסח און מען וועט ניט קענען עסין דעם קרבן פסח מיט טהרה . איבער דעם מאכט מען ניט נאך א אדר) . רבי יהודה זאגט איבער דעם מאכט מען יא נאך א אדר . רבי יהודה זאגט עס האט אמאהל געטראפען אז חזקיהו מלך יהודה האט געמאכט צוויא מאהל אדר ווייל די יודין זענען געוועזן טמא . דער נאך האט ער געבעטין ביי גאט ער זאל אים מוחל זיין דיא עבירה . ווארום עס שטייט אין פסוק דאס מערסטע מענטשין פון דעם פאלק . פיל מענטשין פון שבט אפרים און מנשה און יששכר און זבולן , זענען נאך ניט ריין געווארין און זיי האבען געגעסין דעם קרבן פסח ניט וויא אין דער תורה שטייט (ווייל ער האט געמאכט נאך אדר . איז געוועזן פסח מיט אחודש שפעטער . און דאס האט מען ניט געטארט טאהן) . און יחזקיהו האט געבעטין צו גאט פון זייערט וועגין . און ער האט געזאגט גאט וואס ער איז גוט זאל פאר געבין דיא עבירה . רבי שמעון זאגט ווען יחזקיהו וואלט געמאכט צוויא מאהל אדר ווייל דיא יודין זענין געוועזן טמא . וואלט גוט געוועזן . וואלט ער געמעגט אזוי טאהן . נאר פאר וואס דען האט יחזקיהו גידארפט בעטין גאט זאל אים מוחל זיין . ווייל מען טאר ניט מאכען נאך אמאהל אדר נאר אזוי לאנג וויא עס איז נאך ניט געענדיגט דער ערשטער חודש אדר . אבער אז דער ערשטער חודש אדר איז שוין געענדיגט אין גאנצין . און דעם היינטיגען טאג האט מען שוין גירופען ניסן טאר מען ניט מאכען פון דעם ניסן נאך אמאהל אדר . האט יחזקיה געזאגט מען זאל מאכען פון ניסן נאך אמאהל אדר . און דאס האט מען ניט געטארט . דריבער האט ער גידארפט בעטין ביי גאט ער זאל אים מוחל זיין . רבי שמעון בן יהודה זאגט פון רבי שמעונס וועגין חזקיה הט ניט געמאכט נאך אמאהל אדר . נאר ער האט אן גירעט דיא יודין זייא זאלין ניט מאכען דעם ערשטין קרבן פסח אין ניסן . נאר זייא זאלין מאכען דעם אנדערין קרבן פסח אין חודש אייר . און דאס האט מען ניט געטארט . דריבער האט ער גידארפט בעטין גאט זאל אים מוחל זיין :

כד אמר . אביי האט געזאגט צו רב יוסף דריי רבנן קענען ארויף לייגין די הענט אויף א תלמיד און אים מאכען פאר א רבי . פרעגט די גמרא פון וואנען ווייס דאס אביי . מיר זאלין זאגן

דכתיב (במדבר כז) ויסמך את ידיו עליו (כבדי משה חיד הוה) אי הכי הסגי בחד וכ ת משה במקום שבעים והד קאי אי הכי ליבעי שבעים וחד קשיא. א"ל רב אחא בריה דרבא לרב אשי בידא ממש סמכינן ליה א"ל סמכינן ליה בשמא קרו ליה רבי יהב ליה רשותא למידן דיני קנסות. וחד לא סמיך והאמר רב יהודה (אמר רב) ברם זכור אותו האיש לטוב ור' יהודה בן בבא שמו שאלמלא הוא נשתכחו דיני קנסות מישראל נשתכחו נגרסינהו אלא (דף יד) בטלו דיני קנסות מישראל שפעם אחת גזרה המלכות על ישראל שכל הסומך יהרג וכל הנסמך יהרג ועיר שסומכין בה תחרב והתחומין שסומכין בהם יעקרו מה עשה רבי יהודה בן בבא הלך וישב לו בין שני הרים גדולים בין שני עיירות גדולות ובין שני מתחו

מיסמך. הכי יקרות להם רבי: במקום שבעים והד קאי. לפי שהיה משה רבה להם ושקול כבולם: בידא ממש סמכו ליה. בלשון בעי"ח גרסי' ליה כלו' מי בעי לאנוחי ידייהו על רישיה דסבא: למידן דיני קנסות. דאלהים כתיב דמשמע דיינים מומחין והיינו סמוכין ובשאר דיני ממונות לא בעינן מומחין כדאוקמינן בריש פירקין משום נעילת דלת והיכא דליכא נעילת דלת כגון בד' שומרים וגזילות דיינינן בבבל אע"ג דליכא סמוכין דשליחותייהו קא עבדינן כדאמרינן בהחובל אבל בקנסא לא עבדינן שליחותייהו משום דלא שכיחא ולית בה חסרון כיס: בטלו דיני קנסות. דכיון דליכא סמיכות בטלו (התחומים שסומכין בהם כגון אם סומכין בתוך אלפים של עיר ויש להם הר יעקר): בין שתי עיירות גדולות. ולא בתוך העיר שאם יודע שלא יחריבו את העיר:

וייל עס שטייט אין פסוק משה האט ארויף געלייגט זיינע הענט אויף יהושע. איז דאך אקשיא משה איז דאך נאר געווען איינער. זאל ביי אלע תלמידים גענוג זיין איין חכם זאל ארויף לייגן זיינע הענט אויף אים. צו וואס דארף מען דריי. טאמער וועסטו זאגין אז משה איז גערעכענט פאר איין אונ זיבעציג סנהדרין. זאל מען ביי אלע תלמידים דארפין איין אונ זיבעציג רבנן זאלין ארויף לייגן זייערע הענט אויף דעם תלמיד. ווען ער ווערין ארבי. פאר וואס איז גענוג מיט דריי רבנן. בלייבט אקשיא אויף אביי. רב אחא בריה דרבא האט גזאגט צו רב אשי אז אחכם מאכט אתלמיד פאר ארבי דארף דער חכם ארויף לייגן דיא האנט אויף דעם תלמיד. אדער ניין. האט רב אשי גזאגט ער מאכט אים פר ארבי מיט דעם נאמען אליין. ער רופט אים רבי אונ ער גיט אים רשות (ערלויבניס) צו משפטין די דינים וואס זענען אפילו נאר אקנס ומשל די הונדערט טאלער פון מוציא שם רע. וויא עס שטייט אין דיא סדרה כי תצא. אונ דיא פופציג טאלער פון אונס אונ מפתה. אונ דיא דרייסיג טאלער פון אעבד כנעני. וויא עס שטייט אין דיא סדרה משפטים. אונ נאך אזעלכע זאכען. אונ אנדערע דינים מעג ער שוין געווים משפטין. פרעגט דיא גמרא אונ איין חכם קען ניט מאכען דעם תלמיד פאר ארבי. רב יהודה הט דאך גזאגט פון רבם וועגין מען דארף דער מאנען דעם מענטשין צו גוטען. דאס מיינט מען רבי יהודה בן בבא. ווארום ווען ניט ער וואלט שוין פאר געסין געווארין פון דיא יודין די דינים פון קנס. פרעגט דיא גמרא עס וואלט פאר געסין געווארין. זאל מען זייא לערנען וועלין זייא ניט פר געסין ווערין. נאר אזוי מיינט מען עס וואלט בטל געווארין דיא דינים פון קנס ביים יודין ווארום מען האט אויף גיהערט צו מאכען דיא תלמידים פאר רבנים. איז דאך שוין ניט געווען ווער עס זאל פסקנ׳ן אדין פון קנס. ווארום אנדערע געלט זאכען מעג אתלמיד אויך פסקנ׳ן: אונ מאכען דעם תלמיד פר ארבי האט ניט גיקענט קיין אנדערער נאר אזוי אחכם וואס ער איז געווארין ארבי פון זיין רבי אונ זיין רבי פון זיין רבי ביז משה רבינו. ווארום אמאהל האט דער מלך גוזר געווען אויף דיא יודין, דער חכם וואס וועט מאכען דעם תלמיד פאר ארבי. זאל מען דעם חכם הרגנן. אונ דעם תלמיד זאל מען הרגנן. אונ דיא שטאט וואס אין איר איז גימאכט געווארין דער תלמיד פר ארבי זאל דיא שטאט וויסט ווערין. אונ או יב מען האט אים גימאכט פר ארבי ניט אין שטאט. נאר אויסער די שטאט אין צוויא טויזענד איילין פון שטאט. זאל מען דיא גאנצע צוויי טויזענד איילין ערד פון שטאט. אויך אויס רייסען אונ פאר וויסטען. וואס האט רבי יהודה בן בבא גיטאהן. ער איז גיגאנגען אונ האט זיך גיזעצט צווישען צוויי גרויסע בערג. דיא צוויי בערג זענען געווען צווישען צוויי גרויסע שטעט

תחומי שבת בין אושא לשפרעם וסמך שם ה' זקנים ואלו הן ר' מאיר ור' יהודה ור' שמעון ור' יוסי ור"א בן שמוע רב אויא מוסיף אף ר' נחמיה כיון שהכירו אויבים בהם (באו להרגו) אמר להם בני רוצו אמרו לו רבי מה תהא עליך אמר להם הריני מוטל לפניהם כאבן שאין לה הופכים אמדו לא זזו משם עד שנעצו בו שלש מאות לונביאות של ברזל ועשאוהו ככברה ר' יהודה בן בבא אחריני הוו בהדיה והאי דלא חשיב להו משום כבודו דר' יהודה בן בבא. ור"מ ר' יהודה בן בבא סמכו והאמר רבה בר בר חנה א"ר יוחנן כל האומר על ר' מאיר שלא סמכו רבי עקיבא אינו אלא טועה סמכיה ר"ע ולא קבלו (דאכתי הוה יניק) סמכיה ר' יהודה בן בבא וקבלו:

כה רבי חנינא ורבי הושעיא הוה קא משתקיד ר' יוחנן למסמכינהו לא הוה מסתייעא מלתא הוה קא מצטער טובא אמרו ליה לא נצטער מר דאנן מדבית עלי קאתינן דא"ר שמואל בר (נחמני) [נחמן] א"ר יונתן מנין שאין נסמכים לבית עלי שנאמר (ש"א לא

בין שני הרים גדולים. בין שני תחומי שבת. כדי שלא יהיו יודעים איזה מהם לעקור אם יודע: בין אושא לשפרעם. הם ג' עיירות: מה תהא עליך. אתה זקן ואי אתה יכול לברוח): לונביאות. חניתות: לא הוה מסתייעא מלתא. כשהיו אלו לא היה מוצא שניהם ביחד עמו לסומכו ואין הלכה כעין: משתקיד. מ זר ומצפה לסומכן כמו כי שוקד אני: מנין שאין נסמכין לבית עלי. שאין זוכין להיות

אונ צווישען צוויי תחום שבת. דיא צוויי שטעט האבען גיהייסען אושא אונ שפרעם. פון אושא ביז שפרעם איז גיוועז קמשל פינף טויזענד איילין. הט ער זיך ניזעצט אין דיא מיטעלסטע טויזענד איילין צווישען צוויי בערג. אונ מיט אים זענין גיוועז פינף תלמידים זקנים. אונ ער האט זיי גימאכט פר רבנים. דאס זענען זייא. רבי מאיר רבי יהודה רבי שמעון רבי יוסי רבי אלעזר בן שמוע. רב אויא זאגט רבי נחמיה איז אויך גיוועז. וויא דיא גוים האבען דער קענט אז דא מאכט מען רבנים. האט רבי יהודה בן בבא גזאגט צו די פינף תלמידים מיינע קינדער לויפט אוועק פון דאנען. האבען זייא גזאגט צו רבי יהודה בן בבא רבי וואס וועט זיין מיט דיר דוא ביסט דאך אאלטער מאן אונ קענסט ניט לויפען: האט רבי יהודה בן בבא צו זייא גזאגט איך ליג פאר זייא וויא אשטיין וואס ער האט ניט וועד עס זאל איהם אומקערין פון ארט. מען האט גזאגט דיא גוים זענין ניט אוועק גיגאנגען פון רבי יהודה בן בבא ביז זייא האבען אריין גישטאכען אין אים דריי הונדערט אייזערנע שפיזען אונ זייא האבען אים גילעכערט ווי אזיפ. זעהן מיר אז רבי יהודה בן בבא אליין האט גימאכט דיא פינף תלמידים פר רבנים. ענטפערט די גמרא נאך רבנן זענין גיוועז מיט רבי יהודה בן בבא. נאר ווייל זייא זענין גיוועז קלענער ווי רבי יהודה בן בבא. דריבער רעכונט מען זייא ניט מיט אים צו זאמען פון זיין כבוד וועגין. פרעגט דיא גמרא הט דען רבי יהודה בן בבא גימאכט רבי מאיר פאר ארבי. רבה בר בר חנה האט דאך גזאגט פון רבי יוחנן'ס וועגין דער וואס זאגט אויף רבי מאיר אז ניט רבי עקיבא הט אים גימאכט פאר ארבי. הט ער אטעות. ענטפערט דיא גמרא רבי עקיבא הט גיוואלט מאכען רבי מאיר פר ארבי. האט מען ניט אן גינומען. ווייל ער איז נאך גיוועז יונג. דער נאך הט רבי יהודה בן בבא גימאכט רבי מאיר פר א רבי האט מען שוין אן גינומען:

כה רבי יוחנן האט זייער שטארק גיוואלט מאכען רבי חנינא אונ רבי הושעיא זאלין ווערין רבנים. אונ ער האט ניט גיקענט דאס מאכען. וואָרום אז רבי חנינא אונ רבי הושעיא פלעגין אמאהל קומען צו רבי יוחנן. האט רבי יוחנן ניט גיקענט בעקומען נאך צוויי רבנן צוא אים מען זאל זייא שוין רופען רבי. האט רבי יוחנן פון דעם גיהאט פיל צער. האט רבי חנינא אונ רבי הושעיא גזאגט צוא רבי יוחנן דוא זאלסט דיך ניט מצער זיין. ווארום מיר זענען פון עלים משפחה. אונ רבי שמואל בר נחמן האט גזאגט פון רבי יונתנס וועגין פון וואנען ווייסען מיר אז דיא משפחה פון עלי זענען ניט זוכה מען זאל זייא רופען רבי. ווארום עס שטייט אין פסוק אויף עלי עס וועט ניט זיין אזקן אין דיין שטוב קיין מאהל. וואס מיינט מען עס וועט ניט זיין

כו) לא יהיה זקן בביתך כל הימים מאי זקן אילימא זקן ממש והכתיב (שם) וכל מרבית ביתך ימותו אנשים אלא סמיכה:

כו רבי זירא הוה מיטמר מלסמכיה דא"ר אלעזר לעולם הוי קבל וקיים כיון דשמעה להא דא"ר אלעזר אין אדם עילה לגדולה אלא א"כ מוחלין לו על כל עונותיו אמצי ליה אנפשיה כי סמכוה לר' זירא שרו ליה הכי וכו' עד בריך מתייך לשלם כדאיתא לעיל בכתובות פ"ב:

נסמכין: זקן ממש. כלא בימים: והכתיב וכל מרבית ביתך ימותו אנשים. כשבאין לכלל אנשים בני י"ח שנה למה ליה למיהדר ומיכתביה: אלא סמיכה. באשי' [חכמים] הבאים לכלל זקנה כגון ע"י תורה וגמילות חסדים כדאמרינן כר"ה בזכות ומנחה אינו מתכפר אבל מתכפר הוא בתורה ובג"ח מ"מ לא תהא תורת זקנה עליהם להיות ראוין לסנהדרין: הוי קבל. אפל: וקיים. ותחיה כלומר הרחק מן הרבנות שמקברת את בעליה. אפלה מתרגם קבלא: אמצי אנפשיה. דאי מסמכיה מוחלין לו עונותיו: ובניס

(דף יז) כז תנו רבנן (במדבר יא) וישארו שני אנשים במחנה י"א בקלפי נשתיירו שבשעה שאמר לו הקב"ה למשה (שם) אספה לי שבעים איש מזקני ישראל אמר משה כיצד אעשה אברור ששה מכל שבט ושבט נמצאו שנים יתרים אברור חמשה חמשה מכל שבט ושבט נמצאו עשרה חסרים אברור ששה משבט זה וחמשה משבט זה הריני מטיל קנאה בין השבטים מה עשה בירר ששה ששה והביא שבעים ושנים

אזקן. מיר זאלין זאגין מען מיינט עס וועט ניט זיין קיין אלטער מאן. עס שטייט דאך שוין איין מאהל אלע מענטשין וואס וועלין זיך אדערווען אין ביין שטוב וועלין שטארבן יונג. אונ זיי וועלין ניט אלט ווערין. נאר מען מיינט אפילו די וואס וועלין יא זוכה זיין אלט צו ווערין. פון דעסטוועגין וועלין זייא ניט האבען דעם כבוד פון אזקן. מען וועט זיי ניט רופען רבי:

כו רבי זירא פלעגט זיך בעהאלטין מען זאל איהם ניט מאכען פאר ארבי. ווארום רבי אלעזר האט גזאגט אייביג זאל אמענטש זיין פינסטער. ער זאל ניט זיין מיט מער כבוד וויא אלע מענטשין זענען. וועט ער לעבין. וויא רבי זירא האט גיהערט וואס רבי אלעזר האט גזאגט אמענטש קומט ניט צוא גרויסקייט סיידין מען איז איהם מוחל אלע עבירות. האט ער זיך גימאכט געפינגען צו די רבנן זייא זאלין איהם מאכען פאר ארבי. וועט מען אים מוחל זיין זיינע עבירות. ווען מען האט גימאכט רבי זירא פר ארבי הט מען פר אים געזונגען ואזו ווי עס שטייט אין מסכת כתובות פרק ב:

כז תנו רבנן: דיא רבנן האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק ווען משה רבינו האט פאר זאמלט זיבעציג מענטשין צום אהל מועד אויף זייא זאל רוהען דיא שכינה. זענין געבליבען צוויי מענטשין אין דער מחנה וואס זענען ניט גיקומען צום אהל מועד. אנדערע זאגין זייא זענען געבליבען אין קעסטיל. ווארום ווען גאט האט גזאגט צו משה פרזאמלט צו מיר זיבעציג מענטשין פון דיא אלטע יודין. האט משה גזאגט וויא זאל איך טאהן איך זאל נעמען זעקס מענטשין פון יעדער שבט. זעקס מאהל צוועלף איז דאך צוויי אונ זיבעציג ווארום צוועלף שבטים איז גיוועזן. וועל איך דאך האבען צוויי מענטשין מער. זאל איך נעמען פינף מענטשין פון יעדער שבט. פינף מאהל צוועלף איז דאך זעכציג. וועל איך דאך האבען צעהן מענטשין ווייניגער. זאל איך נעמען פון צעהן שבטים צו זעקס. איז זעכציג. אונ פון צוויי שבטים צוא פינף. איז צעהן. צו זאמען איז זיבעציג. וועט דאך זיין אקריג צווישען דיא שבטים. די צוויי שבטים וועלין זאגין פאר וואס פון אונז נאר צו פינף מענטשין. וואס האט משה גיטאהן ער האט גינומען פון יעדער שבט צו זעקס מענטשין. איז גיוועזן צוויי אונ זיבעציג מענטשין. אונ ער האט גינומען צוויי אונ זיבעציג קוויטלאך. אויף זיבעציג קוויטלאך האט ער אויף געשריבען דעם ווארט זקן. אונ צוויי קוויטלאך האט ער גילאזין ליידיגע. אונ ער האט אוים געמישט דיא צוויי אונ זיבעציג קוויטלאך אונ האט זייא אריין גיליגט אין אקעסטיל. אונ משה האט גזאגט צו דיא צוויי אונ זיבעציג זקנים קומט אונ נעמט איטערע קוויטלאך. דער זקן וואס

ושנים חלק. לא נכתב עליהם זקן: מי שעלה בידו חלק וכו'. ושנים מאותם שבעים שהלכו ליטול עלה בידם חלק ונשתיירו שני פתקין שהיו כתובים בקלפי ששם של אלדד ומידד שלא הלכו ליטול ונשתיירו שלא יעלה בידן חלק (והיינו דכתיב ויבחרו שני אנשים והמה בכתובים כלומר פתקים כתובים היו להם בקלפי ולא הלכו ליטלם): ולקחת חמשת חמשת. בבכורות העודפים על מנין הלוים: אמר להן. לכל הבכורות בואו וטלו פתקיכם: במחנה נשתיירו. ות"ק נמי מודה לרבי שמעון דבמחנה נשתיירו דהא כתיב ולא יצאו האהלה דמשמע שלא יצאו מן המחנה לבא לאהליהם והכא פליגי ת"ק סבר דהאי דנשתיירו לא מחמת ענוה והסרת גדולה אלא שהיו מתיראים שלא יעלו בידם אלא חלק ונשארים בושים ודוים ליס לויפארו נשארו בקלפי ור' שמעון

ושנים פתקין על שבעים כתב זקן ושנים הניח חלק בללן ונתנן בקלפי אמר להם בואו וטלו פתקיכם כל מי שעלה בידו זקן אמר כבר קדשך שמים מי שעלה בידו חלק אמר המקום לא חפץ בך אני מה אעשה לך. כיוצא בדבר אתה אומר (שם ג) ולקחת חמשת חמשת שקלים לגלגלת אמר משה כיצד אעשה להם לישראל אם אומר לו תן לי פדיונך וצא יאמר לי כבר פדאני בן לוי מה עשה הביא עשרים ושנים אלפים פתקין וכתב עליהם בן לוי ועל שלשה ושבעים ומאתים כתב עליהם חמשת שקלים בללן ונתנן בקלפי אמר להם טלו פתקיכם מי שעלה בידו בן לוי אמר לו כבר פדאך בן לוי מי שעלה בידו חמשת שקלים אמר לו תן פדיונך וצא. (תנא) רבי שמעון אומר במחנה נשתיירו בשעה שאמר לו הקדוש ברוך הוא למשה (שם יא) אספה לי שבעים איש אמרו אלדד ומידד אין אנו

האט ארויס גינומען אקוויטול וואס אויף אים איז גיוועון געשריבען דער ווארט זקן. האט משה צו אים גזאגט גאט האט דיך שוין גיהייליגט. אונ דער זקן וואס האט ארויס גינומען אליידיגען קוויטול. האט משה צו אים גזאגט אז גאט וויל דיך ניט וואס קען איך דיר טאהן. צום ציהען דיא קוויטלאך זענען אבער נאר גיקומען זיבעציג מענטשין. אכט אונ זעכציג זקנים האבען ארויס גיצויגין קוויטלאך זקן. אונ צוויי זקנים האבען ארויס גינומען ליידיגע קוויטלאך. איז געבליבען אין קעסטיל צוויי געשריבענע קוויטלאך דאס איז געבליבען פאר אלדד אונ מידד וואס זייא זענען אויך גיוועון פון דיא צווייא אונ זיבעציג זקנים. אונ זייא האבען ניט גיוואלט קומען צום ציהען. דאס זאגט דער פסוק צוויי מענטשין זענען געבליבען אין דער מחנה. זייא זענען ניט גיקומען צום ציהונג. אונ זייא האבען גיהאט געשריבענע קוויטלאך. נאך אזוי אגלייכען שטייט אין פסוק ביי דיא בכורים וואס זענען גיוועון מער וויא דיא לוים. האט גאט גזאגט צו משה דוא זאלסט נעמען פינף טאלער פין יעדער קאפ (פון יעדער בכור וואס געגין אים איז ניטא אלוי. זאלסטו געמען פינף טאלער). האט משה גזאגט וויא זאל איך טאהן מיט דיא בכורים. צוא וועלכין בכור איך וועל זאגין גיב מיר פינף טאלער אוים לייז געלט. וועט ער זאגין מיך האט אוים גילייזט דער לוי. וואס האט משה גיטאהן. ער האט גינומען צווייא אונ צוואנציג טויזענד קוויטלאך. אונ אויף יעדער קוויטול האט ער אויף געשריבען בן לוי. אונ אויף צווייא הונדערט דריי אונ זיבעציג קוויטלאך וואס דיא בכורים זענען גיוועון מער וויא דיא לוים. האט ער אויף יעדער קוויטול געשריבען פינף טאלער. אונ ער האט אלע קוויטלאך אויס געמישט אונ אט זייא אריין גילייגט אין אקעסטיל. אונ ער האט גזאגט צוא דיא בכורים נעמט אייערע קוויטלאך. דער בכור וואס האט ארויס גינומען אקוויטול וואס אויף אים איז גיוועון געשריבען בן לוי. האט משה צו אים גזאגט דער לוי האט דיך אוים געלייזט. אונ דער בכור וואס האט ארויס גינומען אקוויטול וואס אויף איהם איז גיוועון געשריבען פינף טאלער. האט משה צוא אים גזאגט גיב דיינע פינף טאלער אוים לייז געלט. רבי שמעון זאגט וואס אלדד אונ מידד זענען געבליבען אין דער מחנה איז ניט גיוועון וויא דער ערשטער תנא זאגט ווייל זייא זענען ביי זיך גרוים גיוועון. האבען זייא מורא גיהאט טאמער וועלין זייא ארויס ציהען דיא ליידיגע קוויטלאך וועלין זייא פאר שעמט ווערין. נאר פאר קערט איז גיוועון זייא זענען ביי זיך גיוועון גאנץ נידעריג אונ זייא האבען גזאגט זייא זענען ניט ווערט דיא שכינה זאל אויף זייא רוהען. דריבער האבען זייא מורא גיהאט טאמער וועלין זייא ארויס ציהען אקוויטול וואס אויף אים שטייט זקן וועלין זייא מוזין גיין צום אהל מועד. דריבער זענען זייא געבליבען אין דער מחנה אונ זענען ניט

אנו ראוין לאותה גדולה אמ׳ הקב"ה הואיל ומעטתם עצמכם הריני מוסיף גדולה על גדולתכם ומה גדולה הוסיף להם שהנביאים כולם נתנבאו ופסקו והם נתנבאו ולא פסקו ומה נבואה נתנבאו אמרו משה מת יהושע מכנים את ישראל לארץ. אבא חנין אומר משום ר"א על עסקי שליו הם מתנבאים עלי שליו עלי שליו ר"נ אומר על עסקי גוג ומגוג היו מתנבאים שנא׳ (יחזקאל לח) כה אמר ה׳ (צבאות) [אלהים] האתה הוא אשר דברתי בימים קדמונים ביד עבדי נביאי ישראל הנבאים בימים ההם שנים להביא אותך עליהם וגו׳ אל תקרי שנים אלא שנים איזהו הן שנים נביאים שנתנבאו בפרק אחד נבואה אחת הוי אומר אלדד ומידד. אמ׳ מר כל הנביאים כולם נתנבאו ופסקו והם נתנבאו ולא פסקו מנא לן דפסקי אילימא מדכתיב (במדבר יא) ויתנבאו ולא יספו אלא מעתה (דברים ה) קול גדול ולא יסף ה"נ דלא אוסיף הוא (אלא) דלא פסק הוא אלא

סבר מחמת ענוה מנעו עצמן מן הגדולה ועשו עצמם כצעירים והו"ם ליה לוי"אלהו כשתיירו במחנה) : דכל הנביאים כולן. אותן שבעים זקנים נתנבאו אותה שעה לאשונה לבדה כמות שניסם הרוח שכינות שאהל ופסקו : על עסקי שליו. צורך שעה היתה : אל תקרי שנים [בקמץ] אלא שנים : אילימא מדכתיב בהו. בשאר זקנים ולא יספו [ומפרשת ליה ולא יוסיפון : אלא מעתה קול גדול ולא יסף דשכינה ה"נ דלא אוסיף אלא על כרחך דלא פסק הוא [קול שכינה אינו פסק] :

גיגאַנגען צוהעו קוויטלאַך. וואָרום אַזוי איז געווען ווען גאָט האָט גזאָגט צו משה פאַר זאַמול צו מיר זיבעציג מענטשין. האָבען אלדד און מידד גזאָגט מיר זענען ניט ווערט די גרויסקייט. האָט גאָט גזאָגט ווייל איר האָט אייך קליין גימאַכט. וועל איך נאָך מעהרין גרויסקייט אויף אייער גרויסקייט: וואָס פאַר אַגרויסקייט האָט גאָט זייא גיגעבין. וואָרום דיא אַלע נביאים (דיא אַכט און זעכציג מענטשין) האָבען נאָר נביאות גזאָגט צו דער צייט און האָבען אויף גיהערט. אָבער אלדד און מידד האָבען נביאות גזאָגט און האָבען ניט אויף גיהערט צו זאָגין נביאות זייא זענען געבליבען נביאים. וואָס איז געווען דיא נביאות וואָס אלדד און מידד האָבען איצט גזאָגט. זייא האָבען גזאָגט משה וועט שטאַרבען און יהושע וועט אַריין בריינגען די יודין אין ארץ ישראל. אבא חנין זאָגט פון רבי אליעזרס וועגין זייא האָבען נביאות גזאָגט וועגין דעם שלו. זיי האָבען גזאָגט גיי אויף דו שלו. גיי אויף דו שלו. רב נחמן זאָגט זיי האָבען נביאות גזאָגט אויף דיא מלחמה פון גוג ומגוג וואָס עס וועט זיין ווען משיח וועט קומען. אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק אַזו האָט גאָט גזאָגט אויף גוג ומגוג דוא ביסט דאָס דער וואָס איך האָב אויף דיר גירעט אין דיא ערשטע טעג (פאַר אַלאַנגע צייט) דורך מיינע קנעכט דיא יודישע נביאים וואָס זיי האָבען נביאות גזאָגט אין דיא טעג שנים להביא אותך עליהם: זאָלסט ניט לייענען שנים. יאָהרין. נאָר זאָלסט לייענען שנים. צוויי. צוויי נביאים האָבען אויף דיר נביאות גזאָגט אַז איך וועל דיך בריינגען אויף דיא יודין. ווער זענען דיא צוויי נביאים וואָס זייא האָבען נביאות גזאָגט אין איין צייט איין נבואה. דאָס איז אלדד און מידד. פרעגט דיא גמרא דער תנא האָט פריער גזאָגט אַז אַלע נביאים (דיא אַכט און זעכציג זקנים) האָבען נביאות גזאָגט נאָר צו דער צייט און זייא האָבען באַלד אויף גיהערט: אָבער אלדד און מידד האָבען נביאות גזאָגט און האָבען ניט אויף גיהערט: פון וואַנען ווייסען מיר אַז זייא האָבען אויף גיהערט נביאות צו זאָגן. מיר זאָלין זאָגין ווייל עס שטייט אין פסוק ויתנבאו ולא יספו. טייטשט מען ולא יספו זייא האָבען ניט גימערט זייא האָבען איצט נביאות גזאגט און האָבען ניט גימערט נאָך נביאות צו זאָגין. איז דאָך אַקשיא עס שטייט אין פסוק גאָט האָט גירעט מיט אַגרויסע שטימע ולא יסף: וועסטו אויך טייטשין דיא שטימע האָט ניט גימערט גרויס צו זיין. ווערט דען דיא שטימע פון גאָט אָפּ גימאַטערט. נאָר מען מיינט דיא שטימע האָט ניט אויף גיהערט זיא איז ניט קלענער גיוואָרין. אַזוי דאָ וואָס עס שטייט ולא יספו: מיינט מען אויך זייא האָבען נביאות גזאָגט און האָבען ניט אויף גיהערט נביאות צו זאָגין. ענטפערט דיא גמרא פון דאַנען ווייסען מיר אַז דיא אַכט און זעכציג זקנים האָבען אויף גיהערט נביאות צו זאָגין און אלדד און מידד האָבען ניט אויף

ובעלי קומה ומראה. שתהא אימתן מוטלת על הבריות: בעלי כשפים. להמית מכשפים הבוטחים בכשפיהם להנצל מידי ב"ד ולגלות על המכשפין המסיתין ומדיחין בכשפיהן כגון המצרים: מפי התורגמן. כשבאים עדים לועזים להעיד בפניהם שלא יצטרכו להעמיד מליצים ביניהם דה"ל עד מפי עד: מה נחש שממית. אדם ובהמה: ומרבה טומאה. נבילות וטומאת מת בעולם הכי הוא טהור כשהוא מת שאינו בכלל ח' שרצים: [ולא

אלא הכא כתיב ויתנבאו התם כתיב מתנבאים עדיין מתנבאים והולכים. בשלמא למ"ד משה מת היינו דכתיב (במדבר יא) ארני משה כלאם אלא למ"ד הנך תרתי מאי ארני משה כלאם דלאו אורח ארעא דהוה ליה כתלמיד המורה הלכה לפני רבו בשלמא למ"ד הנך תרתין היינו דכתיב (שם) מי יתן אלא לכ"ד משה מת מינה הוה ניחא ליה לא סיימו קמיה מאי כלאם א"ל הטל עליהם צרכי צבור והם כלים מאליהם:

כח אמר ר' יוחנן אין מושיבין בסנהדרין אלא בעלי קומה ובעלי חכמה ובעלי מראה ובעלי זקנה ובעלי כשפים ויודעים ע' לשון שלא תהא סנהדרין שומעת מפי התורגמן. אמר רב יהודה אמר רב אין מושיבין בסנהדרין אלא מי שיודע לטהר את השרץ כן התורה אמר רב אני אדון ואטהרנו (ס"נ) ומה נחש שממית ומרבה טומאה טהור

געהערט נביאות צו זאגין. ווארום ביי די אכט און זעכציג זקנים שטייט ויתנבאו. זיי האבין נביאות געזאגט. אָבער איצט זאגין זייא שוין ניט; אבער ביי אלדד און מידד שטייט מתנבאים. זיי זאגין נביאות. זייא זאגין נאך איצט אויך ווייטער נביאות. פרעגט דיא גמרא דער וואס זאגט אז די נביאות פון אלדד און מידד איז געוועזן אז משה וועט שטארבין. איז רעכט וואס יהושע האט געזאגט צו משה מיין האר משה פאר לענדט זייא. אבער נאך דעם וואס זאגט דיא צוויי זאכען. אז אלדד און מידד האבען נביאות געזאגט אויף דעם שלו אדער אויף גוג ומגוג. פאר וואס האט יהושע געזאגט צו משה מיין האר משה פאר לענדט זייא. פאר וואס זאל מען זייא פאר לענדין. ענפערט דיא גמרא ווייל עס איז ניט קיין דרך ארץ זיי זאלין נביאות זאגין פאר משה. ווארום דאס זעהט אוים וויא א תלמיד פסקנת אדין פאר זיין רבי וואס אים קומט מיתה. פרעגט דיא גמרא נאך דעם וואס זאגט דיא צוויי זאכען. אז אלדד און מידד האבען נביאות געזאגט אויף דעם שלו אדער אויף גוג ומגוג. איז רעכט וואס עס שטייט אין פסוק משה האט געענפערט ווער וואלט געגעבין אז אלע זאלין זיין נביאים. אבער דער וואס זאגט אז אלדד און מידד האבען נביאות געזאגט משה וועט שטארבין. אויף דעם האט משה געענפערט ווער וואלט געגעבין אז אלע זאלין זיין נביאים. איז דען דאס ביי משה ליב געוועזן ער זאל שטארבען: ענפערט דיא גמרא מען האט נאר געזאגט פאר משה אז אלדד און מידד זאגין נביאות אין דער מחנה. אבער וואס זייא זאגין דאס הט מען אים נישט דער ציילט. דריבער האט ער געזאגט ווער וואלט געגעבין אז אלע זאלין זיין נביאים. פרעגט דיא גמרא וואס מיינט מען כלאם. מען זאל זייא פאר לענדין. זאל מען זיי דען הרגנן. ענפערט די גמרא יהושע הט געזאגט צו משה ווארף ארויף אויף אלדד און מידד די משא פון די יודין וועלין זייא פאר לענדט ווערין פון זיך אליין:

כח אמר. רבי יוחנן הט געזאגט סנהדרין מאכט מען ניט קיין אנדערע מענטשין נאר הויכע און קלוגע און שיינע און אלטע און זאלין קענען כישוף (זייא זאלין וויסען ווער עס איז אמכשף זייא זאלין אים הרגנן)· און זייא זאלין קענען זיבעציג שפראכין. דיא סנהדרין זאלין ניט דארפין הערין פון אטאלמאטש. נאר זייא זאלין אליין פאר שטיין וואס מען רעט צו זייא. רב יהודה האט געזאגט פון רבס וועגין מען מאכט ניט פאר סנהדרין נאר אזעלכע מענטשין וואס ווייסען אפ צו לערנען פון דער תורה אז אשרץ איז טהור. האט רב געזאגט איך קען אויך אפ לערנען פון דער תורה אז אשרץ איז טהור. כאדאך אשלאנג וואס ער הרגת פיל מענטשי און פיל בהמות און ער ברענגט פיל טומאה אויף דער וועלט. פון דעכטוועגין דער שלאנג אליין אז ער פיגערט איז ער ניט מטמא. אשרץ וואס ער הרגת ניט און ער ברענגט ניט קיין טומאה אויף דער וועלט. דארף דאך געוויס זיין דער דין אז דער שרץ פיגערט זאל ער ניט מטמא

טהור שרץ שאינו ממית ומרבה טומאה אינו דין שיהא טהור ולא היא מידי דהוה אקוץ בעלמא :

כמ נאמר רב יהודה אמר רב כל עיר שאין בה שנים לדבר ואחד לשמוע אין מושיבין בה סנהדרין וכו׳ מיתיבי שלישית חכמה רביעית אין למעלה הימנה הוא דאמר כי האי תנא ד] תניא שניה חכמה שלישית אין למעלה הימנה למדין לפני חכמים לוי מרבי . דנין לפני חכמים שמעון בן עזאי ושמעון בן זומא וחנן המצרי וחנינא בן חכינאי . רב נחמן בר יצחק מתני ה׳ שמעון שמעון ושמעון חנן וחנניא . רבותינו שבבבל רב ושמואל . רבותינו שבארץ ישראל רבי אבא . דייני גולה קרנא , דייני דא״י ר׳ אמי ור׳ אסי , דייני דפומבדיתא רב פפא בר שמואל . דייני דנהרדעא רב אדא בר מניומי . סבי דסורא רב הונא ורב חסדא . סבי דפומבדיתא רב יהודה ורב עינא.

היא . אלא קוץ הוא . דהך זה חומר אם הוא ממית ומרבה טומאה שהרי כמו כן יש קוצים אחרים ממיתין ומרבין טומאה ואין טמאין :
שנים לדבר . בע׳ לשון : ואחד לשמוע . שהיה מבין בע׳ לשון ואע״פ שאינו יודע להשיב :
שלישית חכמה . בסנהדרין שיש בה שלשה מדברי בשבעים לשון חכמה היא וכשיהיו ארבעה אלמא ג׳ בעינן לדבר : למדין לפני חכמים . כל היכא דאיתמר למדין לפני חכמים היינו לוי שהיה למד לפני רבי : ר״נ . מוסיף בשמעון התימני ומחסר לה בלו לוקחם ויושבים בקרקע ומשיבין תשובות קושיות לזקנים

חריפי

זיין . זאגט דיא גמרא דאס איז ניט קיין קל וחומר . ווארום דער שלאנג טוהט אזו וויא אדארין . דער דארין הרגת אויך פיל מענטשין אונ בהמות אונ ער איז טהור . אזוי איז דער שלאנג אויך טהור . אזוי וויא איך קען ניט אפ לערנען דעם שרץ פון דעם דארין מיט דעם קל וחומר אז דער שרץ זאל זיין טהור . אזוי קען איך ניט אפ לערנען דעם שרץ פון דעם שלאנג מיט א קל וחומר אז דער שרץ זאל זיין טהור :

כמ אמר . רב יהודה האט גזאגט פון רבם וועגין דיא שטאט וואס אין איר איז נישטא צווייא מענטשין וואלין קענען ריידין זיבעציג שפראכין . אונ נאך איינער זאל זיין וועניגסטונס זאל ער פאר שטיין די זיבעציג שפראכין . אפילו ער קען זייא ניט ריידין . אויב אזעלכע דרייא מענטשין זענין נישטא אין די שטאט . מאכט מען ניט קיין סנהדרין אין דיא שטאט . פרעגט דיא גמרא מיר האבען דאך גילערונט אז דרייא מענטשין וואס קענען ריידין זיבעציג שפראכין זענין דא אין א שטאט . הייסט זיא אקלוגע שטאט . אונ מען מאכט אין איר סנהדרין . אונ אויב אין דיא שטאט איז דא פיר מענטשין וואס קענען ריידין זיבעציג שפראכין . דארף מען גאר ניט בעסער . זעהן מיר אז מען מאכט אנדערש ניט סנהדרין אין א שטאט סיידין עס זענין דא דרייא וואס קענען ריידין זיבעציג שפראכין . איז דאך א קשיא אויף רב יהודה . ענפערט דיא גמרא רב יהודה זאגט וויא דער תנא וואס ער האלט עס איז גינוג אויב צוויי קענען ריידין זיבעציג שפראכין . ווארום מיר האבען גילערונט אז צווייא מענטשין וואס קענען ריידין זיבעציג שפראכין זענען דא אין א שטאט . הייסט זיא אקלוגע שטאט . אונ מען מאכט אין איר סנהדרין . אונ אויב אין דיא שטאט איז דא דרייא מענטשין וואס קענען ריידין זיבעציג שפראכין . דארף מען גאר ניט בעסער . [אונ דיא מענטשין וואס קענען ריידין דיא זיבעציג שפראכין וועלין זייא זיין פון דיא סנהדרין]. זאגט דיא גמרא וואו עס שטייט מען האט גילערונט פר דיא חכמים . מיינט מען לוי האט גילערונט פאר רבי . אונ וואו עס שטייט מען האט גיקלערט פר דיא חכמים . מיינט מען דיא פיר שמעון בן עזאי אונ שמעון בן זומא אונ חנן המצרי אונ חנינא בן חכינאי . רב נחמן בר יצחק לערונט פינף מענטשין . שמעון בן עזאי אונ שמעון בן זומא אונ שמעון התימני אונ חנן אונ חנניא . אונ וואו עס שטייט דיא רבנן פון בבל . מיינט מען רב אונ שמואל . אונ וואו עס שטייט דיא רבנן פון ארץ ישראל . מיינט מען רבי אבא . אונ וואו עס שטייט דיא דיינים פון בבל . מיינט מען קרנא . דיא דיינים פון ארץ ישראל מיינט מען רבי אמי אונ רבי אסי . דיא דיינים פון פומבדיתא מיינט מען רב פפא בר שמואל . דיא דיינים פון נהרדעא מיינט מען רב אדא בר מניומי . דיא אלטע לייט פון סורא מיינט מען רב הונא אונ רב חסדא . דיא אלטע לייט פון פומבדיתא מיינט מען רב יהודה אונ רב עינא . די חריפים פון פומבדיתא ודי מענטשין פון

חריפי דפומבדיתא עיפא ואבימי בני רחבא . אמוראי דפומבדיתא רבה ורב יוסף . אמוראי דנהרדעא רב חמא . נהרבלאי מתני רמי בר ברבי . אמרי בי רב רב הונא והאמר רב הונא אמרי בי רב אלא רב המנונא . אמרי במערבא רבי ירמיה . שלחו מתם ר' יוסי בר חנינא . מחכו עלה במערבא ר' אליעזר . והא שלחו מתם לדברי רבי יוסי בר חנינא אלא איפוך שלחו מתם רבי אליעזר מחכו עלה במערבא ר' יוסי בר חנינא :

זכיית דמים כהלכה : והא שלחו מתם לדברי ר' יוסי בר חנינא מוליא (אני) מכלל דנכן בפרק (זה בורר) [אחד דיני ממונות] אלמא שלחו מתם לאו ר' יוסי בר חנינא הוא :

עשרה דברים. ב"ד וגבאין ומחלקין הוו להו תלת מילי . רופא. למול התינוקות : אומן . מקיז דם : לבלר . לכתוב ספרים : קופה נגבית בשנים ומתחלקת בשלשה . טעמא מפרש בבבא בתרא : שרי אלפים שש מאות היו . שהרי ישראל שש מאות אלף רגלי :

ל תניא כל עיר שאין בה עשרה דברים הללו אין תלמיד חכם רשאי לדור בתוכה בית דין מכין ועונשין . וקופה של צדקה נגבית בשנים ומתחלקת בשלשה . ובית הכנסת . ובית המרחץ . ובית הכסא רופא ואומן ולבלר . ומלמד תינוקות . משום רבי עקיבא אמרו אף מיני פירא מפני שמיני פירא מאירין את העינים :

(דף יח) לא ת"ר (שמות יח) ושמת עליהם שרי אלפים שרי מאות שרי חמשים ושרי עשרות שרי אלפים שש מאות שרי מאות ששת אלפים שרי חמשים

פומבדיתא האבען שארפע שכלען . דאס מיינט מען עיפא אונ אבימי דיא קינדער פון רחבה . דיא אמוראים פון פומבדיתא מיינט מען רבה אונ רב יוסף . דיא אמוראים פון נהרדעא מיינט מען רב חמא . וואו עס שטייט נהרבלאי מתני (דיא מענטשין פון נהרבלאי האבען גילערנט) דאס מיינט מען רמי בר ברבי . וואו עס שטייט אמרי בי רב (מען האט גזאגט אין בית המדרש) האט דאס רב הונא גזאגט אין בית המדרש . פרעגט דיא גמרא רב הונא אליין האט דאך גזאגט מען האט גזאגט אין בית המדרש . נאר מען מיינט רב המנונא האט גזאגט אין בית המדרש . וואו עס שטייט מען האט גזאגט אין ארץ ישראל . איז דאס רבי ירמיה . וואו עס שטייט מען האט געשיקט פון דארטין . האט דאס רבי יוסי בר חנינא געשיקט . וואו עס שטייט מען האט גילאכט אויף דעם אין ארץ ישראל . האט דאס רבי אליעזר גילאכט . פרעגט די גמרא עס שטייט דאך מען האט געשיקט פון דארטין נאך דיא רייד פון רבי יוסי בר חנינא . זעהן מיר דאך אז איין אנדערער האט געשיקט ניט רבי יוסי בר חנינא . נאר פאר קערט איז . וואו עס שטייט מען האט געשיקט פון דארטין . האט דאס רבי אליעזר געשיקט . אונ וואו עס שטייט מען האט גילאכט אויף דעם אין ארץ ישראל . דאס האט רבי יוסי בר חנינא גילאכט :

ל תניא . מיר האבען גילערנט דיא שטאט וואס אין איר איז ניטא דיא צעהן זאכען טאר ניט אתלמיד חכם וואוהנען אין איר . דאס זענען דיא צעהן זאכען . בית דין וואס זאלין שלאגין אונ שטראפין דיא רשעים . אונ אקאסטען מיט צדקה געלט וואס צוויי מענטשין זאלין צו זאמען נעמען דאס געלט פון דיא בעלי בתים . אונ דריי מענטשין זאלין צו טיילען דאס געלט צוא דיא ארעמע לייט . אונ אשוהל צום דאוונען זאל זיין . אונ אבאד . אונ אבית הכסא . אונ אדאקטאר . אונ אפעלטשער אז מען דארף איינעם בלוט לאזין . אשרייבער צוא שרייבען ספרי תורות אונ תפלין אונ מזוזות . אונ אמלמד וואס לערנט מיט קליינע קינדער . פון רבי עקיבאס וועגין האט מען גיזאגט אין דער שטאט זאל זיין מינים פירות . ווארום פירות מאכען ליכטיג די אויגען :

לא תנו רבנן . דיא רבנן האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק דו זאלסט טאהן אויף די יודין שרים אויף טויזענדער . שרים אויף הונדערטער . שרים אויף פופציגער . שרים אויף צעהנדליגען . די שרים פון טויזענדער זענען גיוועזן זעקס הונדערט . די שרים פון הונדערטער

חמשים שני עשר אלף שרי עשרות ששת רבוא נמצאו דייני ישראל שבעת רבוא ושמונת אלפים ושש מאות :

כהן גדול פרק שני

א משנה ר' יהודה אומר נושא המלך אלמנתו של מלך שכן מצינו בדוד שנשא אלמנתו של שאול שנאמר (ש"ב יב) ואתנה לך את בית אדוניך ואת נשי אדוניך בחיקך : (ש"ב כ"ב) **גמ'** [גופא] אין מושיבין מלך בסנהדרין ולא מלך וכ"ג בעיבור שנה . מלך בסנהדרין דכתיב (שמות כג) לא תענה על ריב לא תענה על רב . ולא מלך וכ"ג בעיבור שנה מלך משום אפסניא כ"ג משום צינה אמר רב פפא שמע מינה שתא בתר ירחא אזיל איני והא הנך שלשה רועי בקר דהוו קיימי ושמעינהו רבנן דקאמרי חד אמר אם בביר ולקיש

לא תענה על רב. אינך רשאי לסתור את דברי מופלא שבדיינים ואי אמר מלך חובה הוא לא (מצית) [מצי איניש] למהדר ליה זכותא : משום אפסניא. מהלך נותן לחיילותיו כך וכך לשנה ונוח לו שיהו כל השנים מעוברות : כ"ג. אינו רוצה שתתעבר שנה מפני הצינה שצריך לטבול ולקדש ביה"כ ה' טבילות וי' קדושין ואם תתעבר השנה הרי תשרי במרחשון וצינת חשון תהיה בתשרי : ה"ג. רב פפא ש"מ הא דקתני ולא כ"ג בעיבור שנה שתא בתר ירחא אזיל אחר ירחים הראויים להיות אם לא נתעברה הולך קור וחום של שנה וצינה הראויה במרחשון הויא בתשרי כשמתעבר : אם בכיר ולקיש כחדא ייתון הוא אדר . אם ישא חום בקרקע ויצמח זרע הבכיר והאפיל יחד חטים שנזרעו בראש השנה והשעורים שנזרעו עכשיו דין הוא אדר ואם לאו ליה דין אדר

וֶוענֶען גיוועזען זעקס טויזענד . די שָׂרים פון פופציגער זֶענען געוועזען צוועלף טויזענד . די שָׂרים פון צעהנדליגען זֶענען געוועזען זעכציג טויזענד . צוזאמען זענען געוועזען די דַיָנים פון יודען אכט און זיבעציג טויזענד מיט זעקס הונדערט :

פרק שני

א משנה . רַבִּי יְהוּדָה זאגט אַמֶלֶךְ מעג נעמען דיא אַלְמָנָה פון אַמֶלֶךְ . ווארום געפינען מיר ביי דָוִד הַמֶלֶךְ ער האט גינומען דיא אַלְמָנָה פון שָׁאוּל הַמֶלֶךְ . אזוי וויא עס שטייט אין פָּסוּק גאט האט גזאגט צו דָוִד הַמֶלֶךְ איך האב גיגעבין צו דיר די הויז פון דיין האר [פון שָׁאוּל] אונ דיא ווייבער פון דיין האר [פון שָׁאוּל] האב איך גיגעבין אין דיין שויס . פרעגט דיא גְמָרָא מיר האבען גילערנט אמֶלֶךְ טאר ניט זיין איינער פון דיא סַנְהֶדְרִין [דַיָנִים] . אונ אַמֶלֶךְ אונ אַכֹּהֵן גָדוֹל טארין ניט זיצען צווישען דיא דַיָנִים וואס קלערין אויב מען זאל מאכען דעם יאר מְעוּבָּר [צוויי מאהל אֲדָר] : זאגט דיא גְמָרָא פאר וואס איז דער דין : אַמֶלֶךְ טאר ניט זיצען צווישען דיא סַנְהֶדְרִין ווייל עס שטייט אין פָּסוּק לֹא תַעֲנֶה עַל רִיב . מיינט מען דוא זאלסט ניט ענטפערין על רַב . אויף אַגרויסען מאן . אז דער גרעסטער פון דיא סַנְהֶדְרִין וועט זאגין אזוי איז דער דין . זאלסטו ניט ענטפערין דער דין איז ניט אזוי : אונ אז אמֶלֶךְ וועט זיצען צווישען די סַנְהֶדְרִין אונ ער וועט זאגין אויף איינעם ער איז אומגירעכט . וועט אים שוין קיינער ניט קענען גירעכט מאכען . אונ פאר וואס טאר ניט זיצען אַמֶלֶךְ אונ אַכֹּהֵן גָדוֹל צווישען די דַיָנִים וואס קלערין אויב מען זאל מאכען דעם יאהר מְעוּבָּר . זאגט דיא גְמָרָא ווייל דער מֶלֶךְ וויל אלע יאהר זאל זיין מְעוּבָּר . ווארום ער צאהלט זיינע חַיָל יאהרליכע פענסיע . לְמָשָׁל פון איין חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי ביז צום אנדערין חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי . דריבער וויל ער בעסער דער יאהר זאל זיין מְעוּבָּר וועט זיין ראש חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי מיט אחוֹדֶשׁ שפעטער . דער כֹּהֵן גָדוֹל וויל אלע יאהר זאל ניט זיין מְעוּבָּר : ווארום ער וויל דער חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי זאל זיין נענטער צו זומער . עס זאל זיין ווארעם אום יוֹם כִּפּוּר ווען ער דארף טאהן דיא עֲבוֹדָה אין בֵּית הַמִקְדָשׁ אונ דארף זיך פינף מאהל טוֹבֵל זיין אין מִקְוֶה . אונ צעהן מאהל וואשען די הענט מיט דיא פיס . אונ אז עס איז צוויי מאהל אֲדָר איז דער חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי אין דער צייט ווען עס דארף זיין דער חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן איז דאך דיא קעלט פון חֶשְׁוָן אין תִּשְׁרֵי . רַב פָּפָּא זאגט פון דאנען זעהן מיר אז דיא קעלט אונ די היץ פון דעם יאהר גייט נאך דיא חֳדָשִׁים וואס עס דארף זיין אז דער יאהר וואלט ניט געוועזען מְעוּבָּר . דריבער אז מען מאכט אעיבור דיא קעלט וואס עס דארף זיין אין חֶשְׁוָן איז אין תִּשְׁרֵי . פרעגט דיא גְמָרָא עס איז דאך

ולקיש כחדא יינץ דין הוא אדר ואם לאו לית דין אדר וחד אמר אם תיר בצפר בתלג ימות ובטיהרא בטול תאנה ידמוך ישלח משכיה דין הוא אדר ואם לאו לית דין אדר ות"א אם קידום תקיף לחדא יהא יפח בלועך נפיק לקבליה דין הוא אדר ואם לאו לית דין אדר ועברוה רבנן להההוא שתא ותסברא רבנן ארעייתא סמוך אלא רבנן אחושבנייהו סמוך ורועי בקר איסתיועי הוא דאיסתייעא מילתייהו:

(דף יט) **א תנו** רבנן בראשונה היו אבלים עומדים וכל העם עוברים והיו ב' משפחות בירושלים מתגרות זו בזו זאת אומרת אני עוברת [תחלה] וזאת אומרת אני עוברת [תחלה] התקינו שיהיו העם עומדים ואבלים עוברים:

מלך

אלא שבט: אם תור בצפר בתלג׳ ימות: אלא בבקר יהא שור חזק עד שיהא השור קרוב למות מחמת צינה: ובטיהרא בטול תאנה ידמוך. ובצהרים יגדל כח החום עד שיהא השור מוטל בצל התאנה מחמת החום: ישלח משכיה. ויפשוט עורו כלומר יתחכך בתאנה מחמת החום: אם קידום תקיף להדא יהא יפח בלועך נפיק לקבליה. אם כבר חשש כח החורף כ"כ שכשיהא רוח מזרחית חזקה מאד והיא מנשבת אינה ואתה נפיק מנשב ויוצא לקראתה ונפיחך קשה מן הרוח ומחממתה דין אדר: ואם לאו. שעדיין יש אינה חזקה לית דין אדר אלא שבט: ועברוה רבנן. ועשאוהו כשבט שקבעו אדר השני אחריו אלמא שתא בתר פירותא אזיל ולא נהגא הוא דניסן באדר אלא מנהג אדר באדר השני: רבנן אחושבנייהו סמוך. ובלאו הכי מעברין ליה: והני איסתיועי פתסייעא מילתייהו. כלומר איתרמי להו מזל הסיבות דאיקלע עיבור כמילתייהו ומיהו ברוב העבורים שתא בתר ירחא אזלא:

וכל העם עוברים. איש איש כשמגיע אצל אבל מנחמו ועובר:

נִיט אַזוֹי. וָוארוּם אַמָאהל זֶענֶען גִישְׁטַאנֶען דְרַייא אֶקְסֶן פַאסְטִיכֶער. הָאבֶען דִיא רַבָּנָן גִיהֶערְט וִויא דִיא פַאסְטִיכֶער זָאגֶען אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערִין. אֵיין פַאסְטוּךְ זָאגְט אַז עֶס אִיז אַזוֹי וָוארֶעם אַז דִיא ווייץ וָואס אִיז פְרִיא גֶעזֵייט גִיוָוארִין אוּנ דִיא גֶערְשְׁטִין וָואס אִיז שְׁפֶּעטֶער גֶעזֵייט גִיוָוארִין שְׁפְּרָאצִין צוּ זַאמֶען. דָאס אִיז אָדָר. אוּנ אוֹיב עֶס אִיז נִיט אַזוֹי וָוארֶעם. אִיז דָאס נָאךְ נִיט אָדָר נָאר שְׁבָט. דֶער אַנְדֶערֶער פַאסְטוּךְ הָאט גִזָאגְט אוֹיב דֶעם אָקְס אִיז אִין דֶער פְרִיא אַזוֹי קַאלְט אַז עֶר פַיינֶערְט שִׁיעוּר פַר קֶעלְט. אוּנ בַּיי טָאג אִיז אַזוֹי הֵיים אַז דֶער אָקְס שְׁלָאפְט אִינְטֶער דֶעם שָׁאטֶען פוּן אַפֵייגִין בּוֹים. אוּנ עֶר ווִיל דִיא פֶעל פוּן זִיךְ אַרָאפּ וַוארְפֶען פוּן הִיץ. דָס אִיז אָדָר. אוּנ אוֹיב עֶס אִיז נִיט אַזוֹי אִיז דָאס נָאךְ נִיט אָדָר נָאר שְׁבָט. דֶער דְרִיטֶער פַאסְטוּךְ הָאט גִזָאגְט אוֹיב עֶס אִיז אַשְׁטַארְקֶער מִזְרָח ווִינְט זָאלְסְטוּ בְּלָאזִין מִיט דַיין מוֹיל קֶעגִין דֶעם ווִינְט. אוֹיב דַיין בְּלָאזִין וֶועט דֶער וַוארֶעמֶען דֶעם ווִינְט. דָס אִיז אָדָר. אוּנ אוֹיב דַיין בְּלָאזִין וֶועט נִיט דֶער וַוארֶעמֶען דֶעם ווִינְט אִיז דָאס נָאךְ נִיט אָדָר נָאר שְׁבָט. וִויא דִי רַבָּנָן הָאבֶּען גִיזֶעהֶן דִיא סִימָנִים הָאבִּין זֵייא מְעַבֵּר גִיוֶועזֶען דֶעם יָאהר. זֵיי הָאבֶּען גִימַאכְט צְווַיי מָאהל אָדָר. זֶעהֶן מִיר אַז נִיט דִיא וַוארֶעם פוּן נִיסָן אִיז גִיוֶועזֶען אִין אַנְדֶערִין אָדָר. נָאר דִי קֶעלְט פוּן עֶרְשְׁטִין אָדָר אִיז גִיוֶוען אִין אַנְדֶערִין אָדָר. אוּנ דִיא קֶעלְט פוּן שְׁבָט אִיז גִיוֶוען אִין עֶרְשְׁטִין אָדָר. גֵייט דָאךְ נִיט דִיא קֶעלְט מִיט דִיא וַוארֶעם נָאךְ דִי גֶעמֶעןְ פוּן דִי חֳדָשִׁים. נָאר זִיא גֵייט נָאךְ דִי צַייטִין פוּן יָאהר. וִויא דִיא זוּהן גֵייט. עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא וִויא פַר שְׁטֵייסְטוּ הָאבִּין זִיךְ דֶען דִי רַבָּנָן פַר לָאזִין אוֹיף דִיא פַאסְטוּכֶער. נָאר דִיא רַבָּנָן הָאבֶּען זִיךְ פַר לָאזִין אוֹיף זֵייעֶר רֶעכֶענוּנְג. אוּנ אָן דִי פַאסְטוּכֶער וָואלְטִין זֵיי אוֹיךְ גִימַאכְט דֶעם יָאהר אַעִיבּוּר. נָאר עֶס הָט גִיטְרָאפֶען אַז דִי פַאסְטוּכֶער הָאבִּין מִיט זֵייעֶרֶע סִימָנִים מִיט גִיהָאלְפֶען צוּ דִיא רַבָּנָן. אָבֶּער אַלֶע יָאהר אַנְדֶערֶע גֵייט טַאקִי דִי קֶעלְט מִיט דִיא וַוארֶעם נָאךְ דִיא חֳדָשִׁים אוּנ אַז מֶען מַאכְט אַעִיבּוּר. אִיז אִין אַנְדֶערִין אָדָר דָא דִיא וַוארֶעם פוּן נִיסָן:

ב תָּנוּ רַבָּנָן. דִיא רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערוּנְט אִין אָנְהֵייבּ אִיז גִיוֶוען דֶער מִנְהָג אַז מֶען פְלֶעגְט גֵיין צוּרִיק פוּן דֶעם מֵת בַּגְרָאבִּין פְלֶעגִין דִיא אֲבֵלִים שְׁטֵיין אוּנ דָאס גַאנְצֶע פָאלְק וָואס זֶענִין גִיוֶוען בַּיי דֶער לְוָיָה זֶענִין גִיגַאנְגֶען פַר בַּיי דֶעם אָבֵל. אוּנ יֶעדֶער הָט גִזָאגְט צוּ אִים גָאט זָאל דִיךְ טְרֵייסְטִין. צְווַיי מִשְׁפָּחוֹת זֶענִין גִיוֶוען אִין יְרוּשָׁלַיִם אַז דִיא בֵּיידֶע מִשְׁפָּחוֹת זֶענִין גִיוֶוען צוּזַאמֶען בַּיי אַלְוָיָה. הָאבֶּען זֵייא גֶעקְרִיגְט אֵיינֶע מִיט דִי אַנְדֶערֶע. דִי מִשְׁפָּחָה הָאט גִזָאגְט אִיךְ וֶועל גֵיין פְרִיעֶר צוּם אָבֵל. אוּנ דִי אַנְדֶערֶע מִשְׁפָּחָה הָאט גֶזָאגְט אִיךְ וֶועל גֵיין פְרִיעֶר צוּם אָבֵל. הָאבֶּען דִי חֲכָמִים גִזָאגְט דָס פָאלְק זָאל שְׁטֵיין אוּנ דִי אֲבֵלִים זָאלִין דוּרְךְ גֵיין:

ג פיסקא מלך לא דן ולא דנין אותו. אמר רב יוסף לא שנו אלא מלכי ישראל אבל מלכי בית דוד דן ודנין אותו דכתיב (ירמיה כא) בית דוד כה אמר ה' דינו לבקר משפט ואי לא דיינינן להו אינהו היכי דייני והכתיב (צפניה ב) התקוששו וקושו ואמר ריש לקיש קשוט עצמך ואחר כך קשוט אחרים אלא מלכי ישראל מ"ט לא משום מעשה שהיה דעבדיה דינאי מלכא קטל נפשא אמר להו שמעון בן שטח לחכמים תנו עיניכם בו ונדוננו שלחו ליה עבדך קטל נפשא שדריה להו שלחי ליה תא אנת נמי להכא (שמות כא) והועד בבעליו אמרה תורה יבא בעל השור ויעמוד על שורו אתא ויתיב אמר ליה שמעון בן שטח ינאי המלך עמוד על רגליך ויעידו בך ולא לפנינו אתה עומד אלא לפני מי שאמר והיה העולם אתה עומד שנא' (דברים יט) ועמדו שני האנשים אשר להם הריב וגו' א"ל לא כשתאמר אתה אלא כמה שיאמרו חבירי ך (ע"ב) נפנה לימינו כבשו פניהם

תנו עיניכם. להוו כדין ולא תתגיסו בו ולא תשאו פניו: ויעידו בך. שעבדך הרג את הנפש דעבדו כחמורו והפסד ממון הוא לו לפיכך צריך לבוא בפניו: נפנה שמעון לימינו. לידע אם יאמרו כמותו: כבשו

ג פיסקא. מלך. אמלך זאל ניט זיין אדיין. אונ דיינים זאלין ניט משפטין דעם מלך. רב יוסף זאגט דאס איז נאר ביי די מלכים פון אנדערע שבטים. אבער די מלכים וואס זענין פון דוד המלך'ס משפחה. דער מלך מעג זיין אדיין. אונ דיינים מעגין איהם משפטין. ווארום עס שטייט אין פסוק די משפחה פון דוד אזוי האט גאט גזאגט איר זאלט משפטין אין דער פריא זייערע משפטים. אונ אויב דיא מלכים וואלטין ניט געמשפט געווארין. וואלטין זייא ניט גימעגט משפטין אנדערע מענטשין. ווארום עס שטייט אין פסוק התקוששו וקושו. האט ריש לקיש גזאגט דער טייטש איז אמענטש זאל פריער זיך אליין ציר'ען. דער נאך וועט ער צירען אנדערע. דאס מיינט מען פריער זאל אמענטש אליין פרום זיין. דער נאך וועט ער שטראפין אנדערע זיי זאלין אויך פרום זיין. ביי דעם מלך איז אויך אזוי. אויב דיינים מעגין אים משפטין, וועט ער דאך ניט טאהן קיין אומרעכט. מעג ער משפטין אנדערע מענטשין זיי זאלין אויך ניט טאהן קיין אומרעכט. אונ אז די מלכים פון דודס משפחה משפטין אנדערע מענטשין. איז געוויס אז אנדערע דיינים משפטין זייא אויך. נאר דיא מלכים פון אנדערע שבטים פאר וואס טארין זייא ניט משפטין: זאגט דיא גמרא ווייל אמאהל האט אזוי גיטראפען. דער קנעכט פון ינאי המלך האט גיהרגת אמענטשין. האט שמעון בן שטח גזאגט צו די חכמים גיט אייערע אויגען אויף דעם קנעכט אונ איר זאלט אים משפטין. האבען דיא חכמים געשיקט צו ינאי המלך דיין קנעכט האט גיהרגת אמענטשין. האט ינאי געשיקט דעם קנעכט צו דיא חכמים זייא זאלין אים משפטין. האבין דיא חכמים געשיקט צו ינאי קום דוא אויך אהער צו אונז. ווארום עס שטייט אין פסוק והועד בבעליו. מען זאל עדות זאגין צום בעל הבית. דיא תורה האט גזאגט דער בעל הבית פון אקס זאל קומען אונ זאל שטיין דער ביי ווען מען וועט עדות זאגין אויף דעם אקס. אונ אקנעכט איז אויך דאס געלט פון בעל הבית אזוי וויא אאקס. דריבער אז מען וויל דעם בעל הבית שאדין מאכען געלט. מען זאל הרגנן זיין קנעכט אדער זיין אקס. מוז דער בעל הבית זיין ביי בית דין ווען דיא עדות בשולדיגען דעם קנעכט אדער דעם אקס מען זאל אים הרגנן. איז ינאי המלך גיקומען צו בית דין אונ האט זיך גיזעצט. האט שמעון בן שטח גזאגט צו אים ינאי המלך שטעל דיך אויף דיינע פיס. וועט מען עדות זאגין אויף דיר. אונ ניט פאר אונז וועסטו שטיין נאר פאר גאט וואס ער האט בשאפען די וועלט וועסטו שטיין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זאלין שטיין דיא צוויי מענטשין וואס צוא זייא איז דיא קריג. הט ינאי גזאגט צו שמעון בן שטח ניט וויא דוא זאגסט. נאר ווי דיינע חברים וועלין זאגין. אויב זייא וועלין אויך זאגין אז איך דארף שטיין. וועל איך שטיין. האט שמעון בן שטח זיך גיקערט צו די חכמים וואס זענען גיזעסין אין זיין רעכטע זייט זעהן אויב זייא

פניהם. שהיו יראים ממנו: בעל מחשבות. הקב"ה: מלוה איה לך גבאי. עושר גדול יש דוקין אחרים לא קבלתי: בעת תת. כשהגיע עת לתתה לדוד נתנה לעדריאל: מלוה ופרוטה. מלוה עושר גדול שנתחייבתי לך בשביל גלית ופרוטה שוה כסף קבלתי

פניהם בקרקע נפנה לשמאלו כבשו פניהם בקרקע אמר להם שמעון בן שטח בעלי מחשבות אתם יבא בעל מחשבות ויפרע מכם מיד בא גבריאל וחבטן בקרקע ומתו באותה שעה אמרו מלך לא דן ולא דנין אותו לא מעיד ולא מעידין אותו:

ד **שאלו** תלמידיו את ר' יוסי היאך נשא דוד שתי אחיות בחייהן אמר להן מיכל אחר מיתת מרב נשאה. ר' יהושע בן קרחה אומר קידושי טעות היה לו במירב שנאמר (ש"ב ג) תנה את אשתי את מיכל אשר ארשתי לי במאה ערלות פלשתים מאי תלמודא א"ר פפא מיכל אשתי ולא מרב אשתי. מאי קידושי טעות דכתיב (ש"א יז) והיה האיש אשר יכנו יעשרנו המלך עושר גדול ואת בתו יתן לו אזל קטליה א"ל מלוה אית לך גבאי והמקדש במלוה אינה מקודשת אזל יהבה לעדריאל דכתיב (שם יח) ויהי בעת תת את מירב בת שאול לדוד והיא נתנה לעדריאל המחולתי לאשה א"ל אי בעית דאתן לך מיכל זיל אייתי לי מאה ערלות פלשתים אזל אייתי ליה א"ל שאול מלוה ופרוטה אית לך גבאי שאול סבר מלוה

וועלין אויך זאגין וויא ער. אז ינאי דארף שטיין. האבען זייא אראפ גיבויגין דעם פנים צו דער ערד. אונ האבען מורא גיהאט צו זאגין. האט שמעון בן שטח זיך גיקערט צו דיא חכמים וואס זענען גיזעסין אין זיין לינקע זייט. זעהן אויב זייא וועלין אויך זאגין וויא ער. אז ינאי דארף שטיין. האבין זייא אויך אראפ גיבויגין דעם פנים צו דער ערד. אונ האבען אויך מורא גיהאט צו זאגין. האט שמעון בן שטח גזאגט צו די חכמים איר מאכט אייך אזוי וויא איר וואלט גיוועזין פאר טראכט; זאל קומען גאט וואס ער ווייס וואס איר טראכט. אונ ער זאל גיצאהלט ווערין פון אייך. איז באלד גיקומען דער מלאך גבריאל אונ האט גיווארפין אלע חכמים אויף דער ערד אונ זייא זענען גישטארבען. אין דיא צייט האט מען גזאגט א מלך זאל ניט משפטין אונ מען זאל אים ניט משפטין. ער זאל ניט זיין א עדות. אונ מען זאל ניט זאגין עדות אויף אים:

ד **שאלו**. דיא תלמידים האבין גיפרעגט בייא רבי יוסי וויא אזוי האט דוד גינומען צווייא שוועסטערין ווען זייא האבין גילעבט. האט רבי יוסי גיזאגט דוד האט גינומען מיכל דער נאך וויא מרב איז גישטארבין. רבי יהושע בן קרחה זאגט דיא קידושין וואס דוד האט מקדש גיוועזין מרב דאס איז גיוועזין מיט א טעות. איז מרב גאר ניט גיוועזין א ווייב פון דוד; דריבער האט דוד גימעגט נעמען מיכל ווען מרב האט נאך גילעבט. ווארום עס שטייט אין פסוק דוד האט גיזאגט גיב מיר מיין ווייב מיכל וואס איך האב זיא מקדש גיוועזין מיט דיא הונדערט ערלות פון דיא פלשתים. וויא אזוי לערנען מיר אפ פון דעם פסוק. האט רב פפא גיזאגט אזוי האט דוד גימיינט מיכל איז מיין ווייב אבער נישט מרב איז מיין ווייב. פאר וואס איז גיוועזין די קידושין פון מרב מיט א טעות. ווארום עס שטייט אין פסוק אונ עס וועט זיין דער מענטש וואס וועט אים שלאגין (דעם גלית הפלשתי) וועט דער מלך אים רייך מאכין מיט א גרויסע רייכקייט אונ זיין טאכטער וועט ער אים געבין פר א ווייב. איז גגאנגען דוד אונ הט גהרגת דעם גלית הפלשתי. האט שאול גיזאגט צו דוד דוא האסט בייא מיר א חוב. איך בין דיר שולדיג א גרויסע רייכקייט: אונ אנדערע קידושין האסטו איהר ניט גיגעבין אונ אז מען איז מקדש א אשה מיט א חוב איז זיא ניט מקודש. איז גיגאנגען שאול אונ האט גיגעבין זיין טאכטער מרב צו עדריאל פאר א ווייב. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אונ עס איז גיוועזין אין דער צייט ווען מען האט גידארפט געבין מרב דיא טאכטער פון שאול צו דוד. איז זיא געגעבין גיווארין צו עדריאל המחולתי פאר א ווייב. האט שאול גיזאגט צו דוד אויב דו ווילסט איך זאל דיר געבין פאר א ווייב מיין טאכטער מיכל. גיי ברייגג מיר הונדערט ערלות פון דיא פלשתים.

מלוה ופרוטה דעתיה אמלוה ודוד סבר מלוה ופרוטה דעתיה אפרוטה ואבע"א דכ"ע מלוה ופרוטה דעתיה אפרוטה שאול סבר לא חזי ולא מידי ודוד סבר חזי לכלבי ושונרי. ור' יוסי האי תנה את אשתי את מיכל מאי דריש ביה ר' יוסי לטעמיה דתניא רבי יוסי היה דורש שתי מקראות מעורבין כתיב (ש"ב כא) ויקח המלך את שני בני רצפה בת איה אשר ילדה לשאול את ארמוני ואת מפיבושת ואת חמשת בני מיכל בת שאול אשר ילדה לעדריאל המחולתי וכי מיכל לעדריאל נתנה והלא לפלטי בן ליש נתנה דכתיב (שם כה) ושאול נתן את מיכל בתו אשת דוד לפלטי בן ליש וגו' אלא מקיש קדושי מרב לעדריאל לקדושי מיכל לפלטי מה קדושי מיכל לפלטי בעבירה אף קדושי

ממך כהללו ערלות פלשתים: שאול סבר. דעתיה דמקדש לקדש במלוה דחשיבא הילכך לאו קדושין נינהו ואזל יהבה לפלטי בן ליש: ודוד סבר דעתיה אפרוטה. משום הכי קרי לה אשתי: האי תנה את אשתי את מיכל. דמשמע זו אשתי ולא מרב אשתי: מאי דריש ביה. רבי יוסי דלא דריש ולא מרב אשתי: לטעמיה. דדריש מקרא מעורב כדלקמן דמה מיכל אשתי אף מרב אשתי: קדושי מיכל לפלטי. פשיטא לן דבעבירה דהא כתיב אשתי מיכל וקיימא לן

איז גיגאנגען דוד אונ האט געבריינגט צו שאול הונדערט ערלות פון דיא פלשתים. האט שאול גיזאגט צו דוד איצט האסטו בייא מיר אחוב וואס איך האב צו גיזאגט דיך רייך צוא מאכין אונ אפרוטה האסטו מיר גיגעבין אויף קידושין) ווארום דיא הונדערט ערלות זענען דאך עפעס ווערט. ווארום דער וואס האט אהונט ביי זיך אין שטוב וועט עפעס געבין פאר דיא הונדערט ערלות ער זאל זייא געבין עסין זיין הונט): שאול האט גיטראכט וויל דוד האט ביי אים צו מאנען אחוב אונ אפרוטה. געוויס וויל דוד מקדש זיין דיא טאכטער מיינע מיט דעם חוב ניט מיט דיא פרוטה (ווארום דער חוב איז דאך מער וויא די פרוטה) אונ אז מען איז מקדש מיט אחוב איז דאך ניט קיין קדושין. איז מיכל אויך ניט מקודש צו דוד דריבער האט שאול אוועק גיגעבין זיין טאכטער מיכל צו פלטי בן ליש פאר אווייב. אונ דוד זאגט אז איינער האט ביי אאשה אחוב אונ ער גיט איר נאך צו אפרוטה אונ ער זאגט דו זאלסט זיין מקודש צו מיר. מיינט ער זי זאל מקודש ווערין מיט דער פרוטה.. ניט מיט דעם חוב ווארום אז ער וואלט איר ווערין מקדש זיין מיט דעם חוב צו וואס האט ער גיגעבין דיא פרוטה. אונ אז דו ווילסט וועל איך דיר זאגין שאול אונ דוד האבין ביידע גיהאלטין אז איינער מאנט אחוב בייא אאשה אונ ער גיט איר צו אפרוטה אויך. אונ ער זאגט צו איר דו זאלסט צו מיר מקודש ווערין. האט ער גימיינט זיא זאל מקודש ווערין מיט דער פרוטה, נאר שאול האט גיטראכט אז דיא הונדערט ערלות ואס דוד האט גיבראכט זענען גאר נישט ווערט. אפרוטה אויך נישט. אונ דוד האט גיטראכט דער וואס האט ביי זיך אהונט אדער אקאץ וועט עפעס געבין פאר דיא הונדערט ערלות ער זאל זייא געבין עסין זיין הונט אדער זיין קאץ. זענען זיי דאך אלץ ווערט אפרוטה. פרעגט דיא גמרא רבי יוסי וואס ער זאגט אז דוד הט גינומען מיכל דער נאך וויא מרב איז גישטארבין. צו וואס האט דוד גזאגט גיב מיר מיין ווייב מיכל: זעהט אוים אז ער מיינט צו זאגין מיכל איז מיין ווייב. אונ ניט מרב. אפילו מרב וואלט גיוועזין זיין ווייב וואלט ער דאך אויך גימעגט נעמען מיכל. ווארום מרב איז דאך שוין גישטארבין. ענטפערט דיא גמרא פאר קערט איז דריבער האט דוד גזאגט מיכל איז מיין ווייב. צו זאגין אזוי וויא מיכל איז מיין ווייב איז מרב אויך גיוועזין מיין ווייב. ווארום מיר האבען גילערונט רבי יוסי האט גידרשת צוויי צו מישטע פסוקים. אין איין פסוק שטייט דער מלך האט גינומען דיא צוויי קינדער פון רצפה בת איה וואס זיא האט גיבארין צו שאול. איינער האט גיהייסען ארמוני דער אנדערער האט גיהייסען מפיבושת. אונ דיא פינף קינדער פון מיכל בת שאול וואס זיא האט זייא גיבארין צו עדריאל המחולתי. איז דען מיכל גיוועזין דיא ווייב פון עדריאל. זיא איז דאך גאר גיוועזין דיא ווייב פון פלטי בן ליש. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שאול האט גיגעבין זיין טאכטער מיכל די ווייב פון דוד צו פלטי בן ליש. נאר מיר גלייכען דיא קידושין וואס עדריאל האט מקדש גיוועזין צו מרב. צו דיא קידושין וואס פלטי האט מקדש גיוועזין צו מיכל. אזוי וויא דיא קידושין וואס פלטי

דעתיה אפרוסה דבת קדושין היא: ואשתו היהודיה. כלב בן יפונה משמעי קרא יהודיה על שם שכפרה בע"ז ונתגיירה שכל הכופר בע"ז נקרא יהודי דכתיב איתי גוברין יהודאין וגו': ירד אבי גדור. כולן שמותיו של משה הן: תולדות אהרן ומשה ומפרש בתריה בני אהרן

קדושי מרב לעדריאל בעבירה ור' יהושע בן קרחה נמי הכתיב (ש"ב כא) את חמשת בני מיכל בת שאול וכי מיכל ילדה והלא מרב ילדה אמר לך ר' יהושע מרב ילדה ומיכל גידלה לפיכך נקראו על שמה ללמדך שכל המגדל יתום בתוך ביתו מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו ר' חנינא אומ' מהכא (רות ד) ותקראנה לו השכנות שם לאמר יולד בן לנעמי וכי נעמי ילדה והלא רות ילדה אלא רות ילדה ונעמי גידלה לפיכך נקרא על שמה. ר' יוחנן אמר מהכא (ד"ה א ד) ואשתו היהודיה ילדה את ירד אבי גדור וגו' אלה בני בתיה בת פרעה אשר לקח מרד מרד זה כלב ולמה נקרא שמו מרד שמרד בעצת מרגלים וכי בתיה ילדה והלא יוכבד ילדה אלא יוכבד ילדה ובתיה גידלה לפיכך נקרא על שמה. ר' אלעזר אמר מהכא (תהלים עז) גאלת בזרוע עמך בני יעקב ויוסף סלה וכי יוסף ילד והלא יעקב ילד ויוסף כלכל לפיכך נקראו על שמו:

הא"ר שמואל בר נחמני א"ר יונתן כל המלמד בן חברו תורה מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו שנאמר (במדבר ג) ואלה תולדות אהרן ומשה וכתיב (שם) ואלה שמות בני אהרן לומר לך אהרן ילד ומשה לימד לפיכך נקראו על שמו (ישעיה כט) לכן

כה

האט מקדש געוועזן צו מיכל. איז דאך געוועזן אעבירה. ווארום מיכל איז דאך געוועזן דיא ווייב פון דוד. אזוי דיא קידושין וואס עדריאל האט מקדש געוועזן צו מרב איז אויך געוועזן אעבירה. ווארום מרב איז אויך געוועזן דיא ווייב פון דוד. פרעגט דיא גמרא אויף רבי יהושע בן קרחה איז דאך אקשיא עס שטייט אין פסוק דיא פינף קינדער פון מיכל בת שאול. האט דען מיכל זייא געבארין. מרב האט דאך זיי געבארין. זאגט דיא גמרא רבי יהושע וועט דיר ענטפערין מרב האט זייא געבארין. אונ מיכל האט זיי גיאדעוועט. דריבער ווערין זייא גירופען אויף איר נאמען. דער פסוק לערונט אונז אז דער וואס אדעוועט איתום ביי זיך אין שטוב. רעכונט אויף אים דער פסוק גלייך וויא ער וואלט אים געבארין. רבי חנינא זאגט דאס ווייסין מיר פון דעם פסוק. דיא שכנות האבען אים גירופען אנאמען. זייא האבען גזאגט עס איז געבארין געווארין אזוהן צו נעמי. האט דען נעמי געבארין דעם זוהן. רות האט דאך געבארין דעם זוהן: נאר רות האט דעם קינד געבארין אונ נעמי האט דעם קינד גיאדעוועט. דריבער ווערט ער גירופען אויף דעם נאמען פון נעמי. רבי יוחנן זאגט דאס ווייסען מיר פון דעם פסוק זיין ווייב דיא יהודיה הט געבארין דעם ירד אבי גדור (דאס מיינט מען משה רבינו): דאס זענען דיא קינדער פון בתיה בת פרעה וואס מרד האט איר גינומען פר אווייב. מרד איז כלב. פר וואס האט מען גירופען צו כלב מרד. ווייל ער האט מורד געוועזן ווער האט ניט געפאלגט דיא עצה פון דיא מרגלים. איז דאך אקשיא האט דען בתיה געבארין משה. יוכבד הט דאך געבארין משה. נאר יוכבד הט אים געבארין. אונ בתיה הט אים גיאדעוועט. דריבער ווערט ער גירופען אויף דעם נאמען פון בתיה. רבי אלעזר זאגט דם ווייסען מיר פון דעם פסוק דוא האסט געלייזט מיט שטארקייט דיין פאלק דיא קינדער פון יעקב אונ יוסף. האט דען יוסף געבארין דיא יודין. יעקב האט דאך געבארין דיא יודין. נאר יעקב האט זייא געבארין. אונ יוסף האט זייא געשפייזט. דריבער ווערין דיא יודין גירופען אויף דעם נאמען פון יוסף:

ה אמר. רבי שמואל בר נחמני האט גזאגט פון רבי יונתן וועגין דער וואס לערונט תורה מיט זיין חברס זוהן. רעכונט אויף אים דער פסוק גלייך וויא ער וואלט אים געבארין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דאס זענען דיא קינדער פון אהרן אונ משה וועהט אויס אז דער פסוק וויל זאגין דיא נעמען פון אהרנס קינדער אונ פון משהס קינדער. דער נאך זאגט דער פסוק דאס זענען דיא נעמען פון אהרנס קינדער. אונ משהס קינדער זאגט גאר ניט דר פסוק.

כה אמר ה' אל בית יעקב אשר פדה את אברהם וכי היכן מצינו ביעקב שפדה לאברהם א"ר יהודה שפדאו מצער גידול בנים והיינו דכתיב (שם) לא עתה יבוש יעקב ולא עתה פניו יחורו לא עתה יבוש יעקב מאביו ולא עתה פניו יחורו מאבי אביו:

ו כתיב (ש"א כה) פלטי וכתיב (ש"ב ג) פלטיאל אמר רבי יוחנן פלטי שמו ולמה נקרא שמו פלטיאל שפלטו אל מן העבירה מה עשה נעץ חרב בינו לבינה אמר כל העוסק בדבר זה ידקר בחרב זה והכתיב (ש"ב ג) וילך אתה אישה שנעשה לה כאישה והכתיב הולך ובכה על מצוה דאזיל מיניה. עד בחורים שנעשו שניהם כבחורים שלא טעמו טעם ביאה. א"ר יוחנן תוקפו של יוסף ענותנותו של בועז. תוקפו של בועז ענותנותו של פלטי בן ליש. תוקפו של

ולא מזכרו בני משה שם: שפדאו מצער גידול בנים. שהוטל עליו טורח השבטים [שעל אברהם היה מוטל אותו טורח דכתיב והרביתי את זרעך והוא פדאו]: (ובתוספות הקשו ואמרו דלא נהירא חדא דאינו צער אלא שמחה כדאמרינן גבי עובד אדום שברכו ה' בבנים בשכר הארון שהיה בביתו ועוד דאברהם היה לו בנים מקטורה ונ"ל צער של יוסף ואחיו וגלגול ירידת מצרים):
והא כתיב אישה. אלמא בא עליה: שנעשה לה כאישה. שהיה מגדלה ומחבבה: הלך ובכה אחריה. בקושיא קא נסיב לה: עד בחורים. קרא קא דריש ואזיל: תוקפו של יוסף ענותנותו של בועז. דבר גדול של יוסף כדבר קל וקטן שבבועז תוקף דבר גדול וחמור ויש לו שם ענוה דבר קטן
אצל

צו זָאגְן אוּנְז אַז אַהֲרֹנְס קִינְדֶער זֶענֶען אוֹיךְ מֹשֶׁהס קִינְדֶער. וָוארוּם אַהֲרֹן הָאט זֵייא גִיבָּאהֶרְין. אוּנ משֶׁה הָאט מִיט זֵייא גִילֶערוּנְט תּוֹרָה. דְרִיבֶּער וֶוערִין זֵייא גִירוּפֶען אוֹיף דֶעם נָאמֶען פוּן משֶׁה. אִין פָּסוּק שְׁטֵייט אַזוֹי הָאט גִיזָאגְט גָאט צוּ דִיא הוֹיז גֶעזִינְד פוּן יַעֲקֹב וָואס עֶר הָאט אוֹים גִילֵייזְט אַבְרָהָם. וואוּ גֶעפִינֶען מִיר אַז יַעֲקֹב הָאט אוֹים גִילֵייזְט אַבְרָהָם. הָט רַבִּי יְהוּדָה גִזָאגְט יַעֲקֹב הָאט אוֹים גִילֵייזְט אַבְרָהָם פוּן דֶעם צַעַר צוּ אָדֶעווֶען דִיא קִינְדֶער. וָוארוּם אַבְרָהָם הָאט גִיבַּארְפְט אָדֶעוֶוען דִיא צְוֶועלְף שְׁבָטִים. הָאט יַעֲקֹב אִים אוֹיס גִילֵייזְט אוּנ עֶר הָאט זֵייא גִיאָדֶעוֶועט. דָאס אִיז וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט נִיט אִיצְט וֶועט זִיךְ יַעֲקֹב שֶׁעמֶען אוּנ נִיט אִיצְט וֶועט זַיין פָּנִים וַייס וֶוערִין. נִיט אִיצְט וֶועט זִיךְ יַעֲקֹב שֶׁעמֶען פַאר זַיין פָאטֶער יִצְחָק וָואס פוּן אִים אִיז עֵשָׂו גִיבָּארִין גִיוָוארִין. אוּנ נִיט אִיצְט וֶועט זַיין פָּנִים וַייס וֶוערִין פַאר זַיין פָאטְערְס פָאטֶער אַבְרָהָם וָואס פוּן אִים אִיז יִשְׁמָעֵאל גִיבָּארִין גִיוָוארִין. וָוארוּם דִיא קִינְדֶער פוּן יַעֲקֹב זֶענֶען אוֹיךְ דִיא קִינְדֶער פוּן יִצְחָק אוּנ זֵייא זֶענֶען אוֹיךְ דִיא קִינְדֶער פוּן אַבְרָהָם. נָאר יַעֲקֹב הָאט זֵיי גִיאָדֶעוֶועט:

ו כתיב. אִין אֵיין פָּסוּק הֵייסְט עֶר פַּלְטִי. אוּנ אִין אַנְדֶערִין פָּסוּק הֵייסְט עֶר פַּלְטִיאֵל. רַבִּי יוֹחָנָן זָאגְט זַיין נָאמֶען אִיז פַּלְטִי. אוּנ פַר וָואס רוּפְט מֶען אִים פַּלְטִיאֵל. וַוייל גָאט הָאט אִיהם אָפּ גֶעהִיט עֶר זָאל נִיט טָאהן אַעֲבֵירָה. עֶר זָאל נִיט בּוֹעֵל זַיין מִיכַל דִי וַוייבּ פוּן דָוִד. וָואס הָאט פַּלְטִי גִיטָאהן. עֶר הָאט אַרַיין גִישְׁטֶעקְט אַשְׁוֶוערְד צְוִוישֶׁען אִים אוּנ אִיר. אוּנ עֶר הָאט גִזָאגְט וֶוער עֶס וֶועט וֶועלִין בּוֹעֵל זַיין דִי אִשָּׁה. זָאל עֶר גִישְׁטָאכֶען וֶוערִין מִיט דֶעם שְׁוֶוערְד. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין פָּסוּק וֶוען אִישׁ בֹּשֶׁת הָאט אָפּ גִינוּמֶען מִיכַל פוּן פַּלְטִי אוּנ עֶר הָאט זִיא גֶעפִירְט צוּ דָוִד אִיז אִיר מַאן גִיגַאנְגֶען מִיט אִיר. זֶעהְן מִיר דָאךְ אַז פַּלְטִי אִיז גִיוֶועזֶען אִיר מַאן. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא פַּלְטִי הָאט לִיבּ גִיהַאט מִיכַל אַזוֹי וִויא עֶר וָואלְט גִיוֶועזֶען אִיר מַאן. אָבֶּער עֶר הָאט אִיר קֵיין מָאהל נִיט בּוֹעֵל גִיוֶועזֶען. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין פָּסוּק אַז פַּלְטִי הָאט גֶעוֵויינְט. אוּנ אַז מִיכַל אִיז נִיט גִיוֶועזֶען זַיין וַוייבּ וָוס הָט עֶר גֶעוֵויינְט. עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא עֶר הָאט גֶעוֵויינְט אוֹיף דִיא מִצְוָה וָואס פוּן אִים אִיז אַוֶועק גִיגַאנְגֶען. וָוארוּם אַז אַמֶענְטשׁ הַאלְט אַיין דֶעם יֵצֶר הָרָע אוּנ זִינְדִיגְט נִיט. אִיז גְלַייךְ וִויא עֶר וָואלְט גִיטָאהן אַמִצְוָה. עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק זֵייא זֶענֶען גִיקוּמֶען בֵּיידֶע (פַּלְטִי אוּנ מִיכַל) בִּיז בַּחוּרִים. זֵייא זֶענֶען בֵּיידֶע גִיוָוארִין וִויא בַּחוּרִים. זֵייא הָאבֶּען נִיט פַאר זוּכְט דֶעם טַעַם פוּן תַּשְׁמִישׁ הַמִּטָּה. רַבִּי יוֹחָנָן זָאגְט וָואס בַּיי יוֹסֵף אִיז גִיוֶועזֶען אַגְרוֹיסֶע זַאךְ. אִיז דָאס בַּיי בּוֹעַז גִיוֶועזֶען אַקְלֵיינִיגְקֵייט. אוּנ וָואס בַּיי בּוֹעַז אִיז גִיוֶועזֶען אַגְרוֹיסֶע זַאךְ אִיז דָאס בַּיי פַּלְטִי בֶּן לַיִשׁ גִיוֶועזֶען אַקְלֵיינִיגְקֵייט. וָואס בַּיי יוֹסֵף אִיז גִיוֶועזֶען

של יוסף ענותנותו של בועז דכתיב (רות ג) ויהי בחצי הלילה ויחרד האיש וילפת מאי וילפת א"ר שנעשה בשרו כראשי לפתות (דף כ) תוקפו של בועז ענותנותו של פלטי בן ליש כדאמרן : אמר רבי יוחנן מ"ד (משלי לא) רבות בנות עשו חיל ואת עלית על כלנה רבות בנות עשו חיל זה יוסף ובועז ואת עלית על כלנה זה פלטי בן ליש. א"ר שמואל בר נחמן א"ר יונתן מ"ד (שם) שקר החן והבל היופי שקר החן זה יוסף והבל היופי זה בועז ׳ יראת ה׳ היא תתהלל זה פלטי בן ליש. ד"א שקר החן זה דורו של משה, והבל היופי זה דורו של יהושע. יראת ה׳ היא תתהלל זה דורו של חזקיה. ד"א שקר החן זה דורו של משה ויהושע והבל היופי זה דורו של חזקיה. יראת ה׳ היא תתהלל זה דורו של רבי יהודה בר אלעאי שהיו ששה תלמידים מתכסים בטלית אחת ועוסקים בתורה:

שאין לו בה שאדם עושה לפי תומו : שנעשה בשרו. אבר : כראשי לפתות. נתקשה ואעפ"כ כבש יצרו ואע"פ שפנויה היתה ועמו במטה אבל יוסף אשת איש היתה ואינה עמו במטה : תוקפו של בועז ענותנותו של פלטי. דאילו בועז חדא לילה ופלטי שנים רבות : דורו של משה ויהושע. עסקו בתורה הרבה ודורו של חזקיה יותר מהם כדכתיב וחובל עול מפני שמן ואמריק בחלק חובל עול של סנחריב מפני שמנו של חזקיה שהיה דולק בבית מדרשות עד שבדקו מדן ועד באר שבע ולא מצאו עם הארץ : מתכסין בטלית אחת. עניים היו :

אגרויסע זאך איז ביי בועז געוועזן אקליינינגקייט. ווארום עס שטייט אין פסוק ביי בועז אונ עס איז
געוועזן אין האלבע נאכט ויחרד האיש. דער מענטש איז דער שראקן געווארין. וילפת וואס
מיינט מען וילפת. רב זאגט דיא מילה זיינע איז געווארין הארט. פון גרויס תאוה. פון דעסטוועגן
האט ער איין גינומען דעם יצר הרע. איז דאך בועז גרעסר געוועזן ווי יוסף. ווארום ביי יוסף מיט
פוטיפרע איז זיא געוועזן אגויה אונ אאשת איש אונ ניט מיט אים אין איין בעט. אונ ביי
בועז מיט רות איז זיא געוועזן איודישע אונ אליידיגע אן אמאן אונ מיט אים אין איין בעט.
פון דעסטוועגן האט ער איין גיהאלטען דעם יצר הרע ; אונ וואס ביי בועז איז געוועזן אגרויסע
זאך איז דאס ביי פלטי בן ליש געוועזן אקליינינגקייט. ווארום ביי בועז איז דאך נאר געוועזן איי
נאכט. אונ ביי פלטי בן ליש מיט מיכל איז דאך געוועזן עטליכע יאהר נאזוי וויא עס שטייט פריער
רבי יוחנן האט גזאגט עס שטייט אין פסוק פיל טעכטער האבען גיטאהן גרויסקייט אונ דוא
ביסט ארויף גיגאנגען אויף אלע. פיל טעכטער האבען גיטאהן גרויסקייט. דאס מיינט מע
יוסף אונ בועז. אונ דוא ביסט ארויף גיגאנגען אויף אלע דאס מיינט מען פלטי בן ליש. רב
שמואל בר נחמן האט גזאגט פון רבי יונתם וועגין עס שטייט אין פסוק דער חן איז פאלש
אונ די שיינקייט איז נארעשקייט אונ גאר נישט. דר חן איז פאלש דס הט גזאגט יוסף אויף פוטיפרע
אונ די שיינקייט איז גאר נישט דס הט גזאגט בועז אויף רות. די אשה וואס הט מורא פר גאט ז
ווערט גילויבט דאס האט גזאגט פלטי בן ליש אויף מיכל. אנדערע זאגין דער חן איז פאלש
דאס האט גזאגט דער דור פון משה (דער חן וואס האט געפונען ביי גאט דיא דורות וואס
זענען געוועזן פאר משה. ווייל זייא האבען מקיים געוועזן דיא זיבען מצות וואס גאט הט גיבאטן
אבער אין דיא צייט פון משה וואס ער האט גינומען פון גאט דיא גאנצע תורה. איז דער
פריערדיגער חן גאר ניט געוועזן). אונ דיא שיינקייט איז גאר נישט דאס האט גזאגט דער דו
פון יהושע (דיא שיינקייט וואס דער דור פון משה האט גיהאט ביי גאט. ווייל זייא האבע
מקיים געוועזן די תורה: דאס איז גאר נישט געגין דעם דור פון יהושע. ווארום זייער פיל מצו
האט גיפעלט ביי דעם דור פון משה. אונ דער דור פון יהושע האט שוין גיקענט מקיים זי
אלע מצות). דיא מורא פון גאט זיא ווערט גילויבט דאס האט גזאגט דער דור פון חזקיהו
ווארום אין דעם דור פון חזקיהו האט מען גילערנט תורה אונ מען האט מקיים געוועזן מצו
נאך מער וויא אין דעם דור פון יהושע ; אנדערע זאגין דער חן איז פאלש דאס האט גזאג
דער דור פון משה אונ פון יהושע. (וויא פריער שטייט) די שיינקייט איז גאר נישט דאס הא
גזאגט דער דור פון חזקיהו המלך ; (וויא פריער שטייט) דיא מורא פון גאט זיא ווערט גילויב
דאס האט גזאגט דער דור פון רבי יהודה בר אלעאי. ווארום אין זיין צייט האט מע
גילערנט תורה נאך מער וויא אין דיא צייט פון חזקיהו המלך. ווארום זעקס תלמידי

ת"ר מקום שנהגו נשים לצאת אחר המטה יוצאות. לפני המטה יוצאות. ר' יהודה אומר לעולם שים לפני המטה יוצאות שכן מצינו בדוד שיצא אחר טתו של אבנר שנא' (ש"ב ג) והמלך דוד הולך אחר מטה אמרו ליה לא היה הדבר אלא לפיים את העם תפייסו שהיה דוד יוצא מבין האנשים ונכנס לבין נשים ויצא מבין הנשים ונכנס לבין האנשים שנא' ס) וידעו כל העם וכל ישראל כי לא היתה מהמלך להמית את אבנר. דרש רבא מ"ר ס) ויבא כל העם להברות את דוד כתיב להכרות וקרינן להברות בתחלה להכרותו ולבסוף הברותו. א"ר יהודה אמר רב מפני מה נענש אבנר מפני שהיה לו למחות בשאול ולא יחה ר' יצחק אמר מיחה ולא נענה ושניהם מקרא אחד דרשו (שם) ויקונן (על) [המלך אל] בנר ויאמר הכמות נבל ימות אבנר ידיך לא אסורות ורגליך לא לנחשתים

רבי יהודה אומר לעולם לפני המטה יוצאות שכן מצינו בדוד שיצא אחר מטתו של אבנר. ואי ס"ד נשים אחר המטה אורחיה דדוד להלוך עם הנשים: בתחלה להכרותו. שהיו סבורין שמאתו היתה הריגת אבנר: ולבסוף להברותו. שידעו בבירור שלא מאת דוד נהרג אבנר: למחות בשאול. בהריגת נוב עיר הכהנים: ידיך לא אסורות: אדם חשוב היית בשאול והיה לך למחות ולפני שלא

גנען גיוועזן צוא גידעקט מיט איין קלייד ואזוי ארעם זענען זייא גיוועזן] אונ האבען גילערונט תורה:

ז תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט אויף דעם ארט וואו דער מנהג איז אז ווייבער ייען ביי אלויה נאך דער מטה. זאלין זיי גיין נאך דער מטה: אונ וואו דער מנהג איז אז ווייבער ייען ביי אלויה פאר דער מטה. זאלין זייא גיין פר דער מטה: רבי יהודה זאגט אייביג זאלין ין ווייבער ביי אלויה פר דער מטה. ווארום מיר געפינען אז דוד איז גיגאנגען נאך דער מטה ון אבנר. אונ אז ווייבער וואלטין גיגאנגען נאך דער מטה. וואלט דען דוד גיגאנגען צו זאמען יט דיא ווייבער. געוויס גייען דיא ווייבער פאר דער מטה אונ דוד איז גיגאנגען נאך דער מטה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער קעניג דוד גייט נאך דער מטה. האבען דיא חכמים זאגט צו רבי יהודה פון דארטין איז ניט קיין ראיה. ווארום דאס וואס דוד איז גיגאנגען נאך ער לויה פון אבנר דאס האט ער נאר גיטאהן צו איבער בעטין דאס פאלק אונ זייא צו ווייזן אז יט דורך אים איז אבנר גיהרגת גיווארין אונ דאס פאלק איז איבער גיבעטין גיווארין. דריבער איז דוד ארויס גיגאנגען פון צווישען דיא מאנסלייט אונ איז אריין גיגאנגען צווישען די נקבות. אונ ער איז ארויס גיגאנגען פון צווישען די נקבות אונ איז אריין גיגאנגען צווישען די מאנסלייט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דאס גאנצע פאלק אונ אלע יודין האבען געוואוסט אז עס איז ניט יוועזן פון דוד צו הרגנן אבנר. אונ אז דוד איז גיגאנגען צווישען מאנען אונ ווייבער קענען מיר ראך ניט וויסען וואו דיא ווייבער זענען גיגאנגען פאר דער מטה צו נאך דער מטה. רבא האט ידרשת עס איז געשריבען להברות את דוד. אונ מיר לייענען להכרות את דוד. נאר אין אנהייב איז דאס פאלק גיקומען להכרות את דוד. צו פאר שניידין דודן. צו הרגנן אים. ווייל זיי האבען ימיינט אז דורך דוד איז אבנר גיהרגת גיווארין. דער נאך וויא זייא האבען גיזעהן אז דוד איז אר ניט שולדיג אין דעם טויט פון אבנר. איז גיוועזן להברות את דוד. צו געבין עסין דוד. אונ ער האט דעם טאג גיפאסט. רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין פאר וואס איז אבנר ישטראפט גיווארין ווייל ער האט גידארפט שטערין שאול. ער זאל ניט הרגנן דיא כהנים פון וב. אונ ער האט ניט גישטערט. רבי יצחק זאגט אבנר האט טאקי גישטערט שאולן ער אל זייא ניט הרגנן. שאול האט אים אבער נישט גיענפערט. אונ ביידע ורב אונ רבי יצחק דרשנן פון איין פסוק. עס שטייט אין פסוק דער מלך דוד האט גיטרויערט אויף אבנר אונ ער הט גזאגט הכמות נבל ימות אבנר. אבנר זאל שטארבין אזוי וויא איינער פון די שלעכטע ענטשין. דיינע הענט זענען דאך ניט גיוועזן גיבונדין. אונ דיינע פיס האבען ניט גיגענט צוא יא קופערנע קייטין. דער וואס זאגט אז אבנר איז גישטראפט גיווארין ווייל ער האט ניט ישטערט שאולן ער זאל ניט הרגנן דיא כהנים. האט דוד אזוי גזאגט צו אבנר. דו ביסט דאך יוועזן אגרויסער שר דיינע הענט זענען ניט גיוועזן גיבונדענע ודוא האסט גיקענט טאהן וואס דוא

הוגשו מאן דאמר לא מיחה הכי קאמר מכדי ידיך לא אסורות ורגליך לא לנחשתים הוגשו מאי טעמא לא מחית כנפול לפני בני עולה נפלת . ומ"ד מיחה ולא נענה אתמוהי מתמה הכמות נבל ימות אבנר ידיך לא אסורות ורגליך לא לנחשתים מכדי מחויי קא מחית מ"ט כנפול לפני בני עולה נפלת למ"ד מיחה מ"ט איענש אמר רב נחמן בר יצחק ששהה מלכות בית דוד שתי שנים ומחצה :

ח רבי יוסי אומר כל האמור בפרשת מלך מלך מותר בו ר' יהודה אומר לא נאמרה פרשה זו אלא כדי לאיים עליהם שנאמר (דברים יז) שום תשים עליך מלך שתהא אימתו עליך וכן היה רבי יהודה אומר שלש מצות נצטוו ישראל בכניסתן לארץ להעמיד להם מלך ולהכרית זרעו של עמלק ולבנות להם בית הבחירה רבי נהוראי אומר לא נאמרה פרשה זו אלא כנגד

מחית כנפול לפני בני עולה נפלת : מכדי מחויי מחית . וה"ק ידיך לא אסורות היו לא נהגת בעצמך חשוב אלא בכל כחך גלית דעתך ומחית בשאול : ששהה מלכות בית דוד שהעמיד את איש בושת למלך ואם לא שהעמידו אבנר את דוד היו ממליכין ומשמלך איש בשת עד יום שמלך דוד על כל ישראל היו שתי שנים ומחצה שתי שנים לאיש בשת וחצי שנה בין מיתתו למלכות דוד שמשמת שאול מלך דוד בחברון וכתיב בחברון מלך מלך שבע שנים וששה חדשים לא מכן המש שנים שבין מיתת שאול למלכות איש בושת דתניא בסדר עולם והימים אשר מלך דוד על ישראל וגו' נמצאת מלכות ישראל בטלה ה' שנים אלמא ה' שנים היו בלא מלך כשהיירו שתי שנים ומחצה ממלכות איש בשת למלכות דוד :

בפרשת מלך. בספר שמואל (א ח) בניכם ובנותיכם יקח וכיוצא בהם : לא נאמרה . פרשה דשמואל אלא לאיים עליהם שתהא אימת מלכם עליהם אבל אינו מותר לעשות : ה"ג לא נאמרה פרשה זו אלא לאיים עליהם ול"ג ליראם ולבהלם דהא לר"י יפה כוונו שהרי נצטוו ישראל על כך וה"ג בתוספתא : ג' מצות . להכי נקט שלש הללו שהן תלויות זו בזו לעשותן כסדרן כדמפרש לקמן בתחלה מלך ואחריה עמלק ואחריה בית הבחירה : בכניסתן לארץ. דבכולהו כתיב ירושה וישיבה וירשתה וישבת בה ואמרת אשימה עלי מלך בעמלק כתיב והיה בהניח ה' וגו' ובבנין בית הבחירה כתיב ועברתם את הירדן וישבתם בארץ וגו' והדר כתיב והיה המקום וגו' : לא נאמרה פרשה זו . שום תשים עליך מלך משום מלוה אלא כנגד תרעומתם שגלוי לפניו

האסט געוואלט] . אונ דיינע פיס זענען ניט געוועזן געבונדין מיט קייטען . [דוא האסט געקענט גיין וואו דוא האסט געוואלט] . פאר וואס האסטו ניט געשטערט שאולן ער זאל ניט הרגנן דיא כהנים . אונ וויל דוא האסט ניט געשטערט . דריבער ביסטו געפאלען אזוי וויא איינער פאלט פר שלעכטע מענטשין . אונ דער וואס זאגט אז אבנר האט יא געשטערט שאולן . נאר שאול הט אים ניט געפאלגט . האט זיך דוד געוואונדערט אבנר זאל שטארבין אזוי וויא אשלעכטער מענטש שטארבט . דיינע הענט זענען דאך ניט געוועזן געבונדען אונ דיינע פיס זענען ניט געוועזן געבונדען מיט קייטען . נאר דו ביסט געגאנגען צו שאול אונ דוא האסט געטאהן וואס עס איז נאר מעגליך געוועזן צו רעטין [מציל זיין] דיא כהנים שאול זאל זייא ניט הרגנן . פאר וואס ביסטו געפאלען אזוי וויא איינער פאלט פאר שלעכטע מענטשין : פרעגט דיא גמרא דער וואס זאגט אז אבנר האט יא געשטערט שאולן ער זאל ניט הרגנן דיא כהנים . פאר וואס איז אבנר געשטראפט געווארין . רב נחמן בר יצחק זאגט ווייל ער האט אפ געהאלטען דיא מלוכה פון דוד צוויי מיט אהאלב יאהר . ווארום באלד ווי שאול איז געשטארבען האבען דיא יודין געוואלט מאכען דודן פר אמלך . הט אבנר ניט געלאזין אונ ער הט געמאכט אמלך איש בשת דער זוהן פון שאול . אונ דער איש בשת איז געוועזן אמלך צוויי מיט אהאלב יאהר :

ח רבי יוסי זאגט אלץ וואס שמואל הנביא האט געזאגט צו דיא יודין אין דיא פרשה פון מלך (שמואל א ח) . דער מלך וועט צו נעמען זייערע זיהן אונ זייערע טעכטער אונ זייערע פעלדער אונ ויין גערטנער . דאס אלץ מעג טאקי דער מלך צו נעמען . רבי יהודה זאגט דער מלך טאר דאס ניט נעמען . שמואל הנביא האט נאר געזאגט די אלע זאכען צו מאכען אמורא אויף דיא יודין . זייא זאלין מורא האבען פאר דעם מלך . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט טאהן אויף דיר אמלך . דיא מורא פון מלך זאל זיין אויף דיר . אונ אזוי הט רבי יהודה געזאגט דריי מצות זענען דיא יודין געבאטען געווארין צו טאהן ווען זייא וועלין אריין קומען אין ארץ ישראל . זייא זאלין אויף שטעלין אמלך . אונ זייא זאלין פר שניידין די קינדער פון עמלק . אונ זייא זאלין באהען אבית המקדש . רבי נהוראי זאגט וואס דיא תורה זאגט מען זאל מאכען אמלך איז דאס ניט ווייל עס איז אמצוה צו מאכען אמלך . נאר אויב דיא יודין וועלין שרייען

כנגד תרעומתן שנא׳ (שם) ואמרת אשימה עלי מלך וגו׳ תניא רבי אליעזר אומר זקנים שבדור כהוגן שאלו שנא׳ (ש״א ח) תנה לנו מלך לשפטנו אבל עמי הארץ שבהן קלקלו שנאמר (שם) והיינו גם אנחנו ככל הגוים ושפטנו מלכנו ויצא לפנינו. תניא (אידך) רבי (יוסי) (יודא) אומר שלש מצות נצטוו ישראל בכניסתן לארץ להעמיד להם מלך ולהכרית זרעו של עמלק ולבנות להם בית הבחירה. ואיני יודע איזה מהן תחלה כשהוא אומר כי יד על כס יה מלחמה לה׳ בעמלק הוי אומר להעמיד להם מלך תחלה ואין כסא אלא מלך שנאמר (ד״ה א כט) וישב שלמה על כסא ה׳ למלך ועדיין איני יודע אם להכרית זרעו של עמלק תחלה ואם לבנות בית הבחירה כשהוא אומר (דברים יב) והניח (ה׳) לכם מכל אויביכם וגו׳ והיה המקום אשר יבחר ה׳ וגו׳ הוי אומר להכרית זרעו של עמלק תחלה וכן בדוד הוא אומר (שמואל ב ז) ויהי כי ישב המלך דוד בביתו וה׳ הניח לו מסביב וכתיב (שם) ויאמר המלך אל נתן הנביא ראה נא אנכי יושב בבית ארזים וגו׳:

אמר

לפניו שעתידין לב׳ רעה על כך נומר והיינו גם אנחנו ככל הגוים [שנאמר] ואמרת אשימה שהיידין אתם לומר כן: רבי נהוראי אומר כו׳. ל״ג ליה בתוספתא ואדע דשיבוש הוא דהא קיימא לן בעירובין דהוא רבי נחמיה הוא רבי נהוראי: עמי הארץ קלקלו. דאלו זקנים שאלו לשופטם ולרדות הסרבנים שבהם אבל עמי הארץ שאלו עליו מלחמותיהם שאמרו ויצא לפנינו ונלחם את מלחמותינו:

זייא ווילען אמלך. מעג מען מאכען אמלך. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז דוא וועסט זאגן איך וועל מאכען אויף מיר אמלך. מעגסטו מאכען אמלך. אבער בעסער איז זייא זאלין ניט האבען אויף זיך אמלך. ווארום גאט איז זייער מלך. מיר האבען גילערונט רבי אליעזר זאגט דיא אלטע לייט פון דעם דור האבען גיבעטין וויא מען דארף. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייא האבען גזאגט צו שמואל גיב אונז אמלך ער זאל אונז משפטין. אבער דם פראסטע פאלק האבען געזינדיגט אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייא האבען גזאגט מיר ווילען אויך זיין אזוי וויא אלע פעלקער אונ אונזער מלך זאל אונז משפטין אונ ער זאל ארויס גיין פאר אונז. אונ ער זאל מלחמה האלטען אונזערע מלחמות. האבען זייא אפ גיטאהן זייער פאר יבערונג פון גאט. אונ האבען זיך פר זיכערט אויף אמענטשין. מיר האבען גילערונט רבי יהודה זאגט דריי מצות זענען די יודין גיבאטען גיווארין צו טאהן ווען זייא וועלין אריין קומען אין ארץ ישראל. זייא זאלין מאכען אמלך. אונ זייא זאלין פר שניידין דיא קינדער פון עמלק. אונ זיי זאלין באהען דעם בית המקדש: נאר איך וויים ניט וועלכעס מען זאל טאהן פריער. אז עס שטייט אין פסוק כי יד על כס יה מלחמה לה׳ בעמלק. ווען גאט וועט האלטען מלחמה מיט עמלק וועט זיין דיא האנט אויף דעם געטליכען שטוהל. פון דאנען ווייסען מיר אז מען זאל פריער מאכען אמלך. ווארום דאס געטליכע שטוהל. שטוהל מיינט מען דיא יודישע מלוכה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שלמה איז גיזעסן אויף דיא שטוהל פון גאט צו זיין אמלך. נאר מיר ווייסען ניט אויב פריער זאל מען פר שניידין דיא קינדער פון עמלק. אדער פריער זאל מען באהען דעם בית המקדש. אז עס שטייט אין פסוק אז גאט וועט אייך מאכען רוהען פון אלע אייערע פיינד. דער נאך שטייט אונ עס וועט זיין דער ארט וואס גאט וועט אים אויס דער ווילין. זעהן מיר אז פריער דארף מען פר שניידען דיא קינדער פון עמלק. דער נאך באהען דעם בית המקדש. אונ ביי דוד שטייט אויך אזוי אונ עס איז גיוועז אז דער מלך דוד איז גיזעסען אין זיין שטוב אונ גאט האט אים גימאכט רוהען פון זיינע פיינד ארום. האט דער מלך גזאגט צו נתן הנביא זעה נאר איך זיץ אין אשטוב פון טענען בוימער. אונ דער ארון שטייט אונטער פלאכטעס. איך וועל באהען דעם בית המקדש. זעהן מיר אז דוד האט ניט גיוואלט פריער באהען דעם בית המקדש ביז ער הט פאר שניטען זיינע פיינד:

פירוש

בתחלה קודם שנשא שלמה נשים נכריות מלך על עליונים: וכשם שמלך על תפסח ועזה כך מלך על כל העולם כולו: והכי קאמר קרא כי הוא רודה בכל עבר הנהר כמתפסח עד עזה: על מקלו שהשליכו אשמדאי מכסאו כדאמרינן במסכת גיטין: גונדו טליתו ובעסרות פירש רב האי הוא מקידה של חרס (וגורס) (ודומה לו) חד אמר קודו וחד אמר מקלו והוא מקידה ששותה בה מים: מלך והדיוט. ושוב לא חזר למלכותו:

ט **אמר** ריש לקיש בתחלה מלך שלמה על העליונים שנאמר (ד"ה א כט) וישב שלמה על כסא ה' ולבסוף מלך על התחתונים שנא' (מ"א ה) כי הוא רודה בכל עבר הנהר מתפסח ועד עזה רב ושמואל חד אמר תפסח בסוף העולם ועזה בסוף העולם וח"א תפסח ועזה בהדי הדדי הוו יתבי וכשם שמלך על תפסח ועל עזה כך מלך על כל העולם כולו ולבסוף לא מלך אלא על ישראל שנא' (קהלת א) אני קהלת הייתי מלך על ישראל וגו' ולבסוף לא מלך אלא על ירושלים שנא' דברי קהלת בן דוד מלך בירושלים ולבסוף לא מלך אלא על מטתו שנא' (שה"ש ג) הנה מטתו שלשלמה וגו' ולבסוף לא מלך אלא על מקלו שנא' (קהלת א) מה יתרון לאדם בכל עמלו וגו' וכתיב (שם ב) (זה) [וזה] היה חלקי מכל עמלי רב ושמואל חד אמר מקלו וחד אמר גונדו הדר או לא הדר רב ושמואל חד אמר הדר וחד אמר לא הדר. כאן דאמר לא הדר מלך והדיוט ומאן דאמר הדר מלך והדיוט ומלך:

י [**פיסקא**] ופורץ לעשות לו דרך. תנו רבנן אוצרות מלכים למלך ושאר ביזה שבוזזין

ט אמר. ריש לקיש האט גזאגט אין אנהייב איידער שלמה האט גינומען דיא גוישע ווייבער. איז שלמה גיוועזן אמלך אויף דיא אויבערשטע אויף דיא מלאכים אויך. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שלמה איז גיזעסן אויף דעם שטוהל פון גאט. דער נאך וויא ער הט גינומען דיא גוישע ווייבער איז ער גיוועזן אמלך נאר אויף מענטשין אליין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ווארום ער האט גיוועלטיגט אויף אלע מענטשין וואס האבען גיוואוהנט אויף דיא אנדערע זייט פון טייך פרת פון תפסח ביז עזה. רב אונ שמואל קריגען. איינער זאגט תפסח איז גיוועזן אין איין עק וועלט אונ עזה איז גיוועזן אין אנדערין עק וועלט. אונ איינער זאגט תפסח אונ עזה זענען גיוועזן איינס נעבין דאס אנדערע. אונ אזוי וויא ער האט געקיניגט אויף תפסח אונ אויף עזה אזוי האט ער געקיניגט אויף דיא גאנצע וועלט. דער נאך איז ער ניט מער גיוועזן אמלך נאר אויף יודין אליין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך קהלת בין גיוועזן אמלך אויף יודין. דער נאך איז ער ניט מער גיוועזן אמלך נאר אויף ירושלים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דאס איז דיא רייד פון קהלת דער זוהן פון דוד דער מלך פון ירושלים. דער נאך איז ער ניט מער גיוועזן אמלך נאר אויף זיין בעט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ארום דיא בעט פון שלמה זענען גישטאנען זעכציג שטארקע מענטשין. דער נאך איז ער ניט מער גיוועזן אמלך נאר אויף זיין שטעקין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דאס איז מיין חלק פון מיין גאנץ ארבעט. רב אונ שמואל קריגען. איינער זאגט ער האט גימיינט דעם שטעקין. אונ איינער זאגט ער האט גימיינט דעם קריגול. ווארום אשמדאי דער מלך פון דיא שדים האט פארווארפין דעם מלך שלמה גאנץ ווייט פון ירושלים. אזוי וויא עס שטייט אין דיא מסכת גטין). פרעגט דיא גמרא שלמה איז גיקומען צוריק צו זיין מלוכה. אדער ער איז ניט גיקומען צוריק צו זיין מלוכה. ענטפערט דיא גמרא רב אונ שמואל קריגען אין דעם. איינער זאגט שלמה איז גיקומען צוריק צוא זיין מלוכה. אונ איינער זאגט שלמה איז ניט גיקומען צוריק צו זיין מלוכה. דער וואס זאגט אז שלמה איז ניט גיקומען צוריק צו זיין מלוכה. איז שלמה גיוועזן אמלך דער נאך איז ער גיווארין אפראסטער מענטש ביז ער איז גישטארבען. אונ דער וואס זאגט אז שלמה איז גיקומען צוריק צו זיין מלוכה. איז שלמה גיוועזן אמלך; דער נאך איז ער גיווארין אפראסטער מענטש. דער נאך איז ער צוריק גיווארין אמלך:

י פיסקא. ופורץ. אמלך מעג אויס ברעכין אוואנט צו מאכען אוועג זיין חיל זאל דורך גיין. דיא רבנן האבען גילערונט אז אמלך מיט זיין חיל נעמען איין אמדינה; דיא אוצרות פון

וימשחו אותו. בשלמה כתיב: והיתה לאהרן ולבניו · בלחם הפנים כתיב: חרשתם בעגלתי · שמשון קרי לה לאשתו

שבוזזין מחצה למלך ומחצה לעם א"ל אביי לרב דימי ואמרי לה לרב אחא בשלמא אוצרות מלכים למלך אורחא דמלתא אלא שאר ביזה שבוזזין מחצה למלך ומחצה לעם מנ"ל דכתיב (דה"א כט) וימשחו לה' לנגיד ולצדוק מקיש נגיד לצדוק מה צדוק מחצה לו ומחצה לאחיו אף נגיד מחצה לו ומחצה לאחיו וצדוק גופיה מנלן דתניא רבי אומר (ויקרא כד) והיתה לאהרן ולבניו מחצה לאהרן ומחצה לבניו:

יא לא ירבה לו נשים על י"ח מנ"ל שנאמר (ש"ב ג) ויולדו לדוד בנים בחברון ויהי בכורו אמנון לאחינועם היזרעאלית ומשנהו כלאב לאביגיל וגומר והשלישי אבשלום בן מעכה וגו' והרביעי אדוניה בן חגית והחמישי שפטיה בן אביטל והששי יתרעם לעגלה אשת דוד אלה ילדו לדוד בחברון וכתיב (שם יב) ואם מעט ואוסיפה לך כהנה וכהנה כהנה שית וכהנה שית הוי להו תמני סרי והא הות מיכל אמר רב עגלה זו מיכל ולמה נקרא שמה עגלה שחביבה עליו כעגלה וכן הוא אומר (שופטים יד) לולי חרשתם בעגלתי

יֶענֶע מְלָכִים גִיהֶער צוּם מֶלֶךְ אַלֵיין. אוּנ דִיא אִיבֶּערִיגֶע רוֹיבּ וָואס זַייא רוֹיבִּין. גִיהֶער הֶעלְפְט צוּם מֶלֶךְ אוּנ הֶעלְפְט צוּם פָאלְק. אַבַּיֵי הָאט גִזָאגְט צוּ רַב דִימִי אַנְדֶערֶע זָאגִין אַבַּיֵי הָאט גִזָאגְט צוּ רַב אַחָא וָואס דִיא אוֹצְרוֹת פוּן דִי מְלָכִים גִיהֶער צוּם מֶלֶךְ אַלֵיין אִיז רֶעכְט, נָאר דִיא אִיבֶּערִיגֶע רוֹיבּ וָואס זַייא רוֹיבִּין גִיהֶער צוּם מֶלֶךְ הֶעלְפְט אוּנ צוּם פָאלְק הֶעלְפְט. פוּן וַואנֶען וַוייסֶען מִיר דֶעם דִין. ענְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וַיִמְשְׁחוּ לַה' לְנָגִיד וּלְצָדוֹק מֶען הָאט גִיגְלַייכְט שְׁלֹמֹה עֶר זָאל זַיין אַמֶלֶךְ צוּ גָאט אוּנ צָדוֹק זָאל זַיין אַכֹּהֵן. גְלַייכִין מִיר צוּ דֶעם נָגִיד צוּ צָדוֹק. אַזוֹי וִויא צָדוֹק (דֶער כֹּהֵן גָדוֹל) אַז עֶר צוּ טֵיילְט זִיךְ מִיט דֶעם לֶחֶם הַפָּנִים מִיט דִי אִיבֶּערִיגֶע כֹּהֲנִים. נֶעמְט עֶר אַלֵיין הֶעלְפְט אוּנ דִיא אִבֶּערִיגֶע אַלֶע כֹּהֲנִים נֶעמֶען אוֹיךְ הֶעלְפְט. אַזוֹי דֶער נָגִיד (דֶער מֶלֶךְ) אַז עֶר צוּ טֵיילְט זִיךְ מִיט דִיא רוֹיבּ מִיט דֶעם אִיבֶּערִיגֶען פָאלְק. נֶעמְט עֶר אַלֵיין הֶעלְפְט אוּנ דִיא גַאנְצֶע פָאלְק נֶעמֶען אוֹיךְ הֶעלְפְט. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא פוּן וַואנֶען וַוייסֶען מִיר אַז צָדוֹק נֶעמְט הֶעלְפְט פוּן לֶחֶם הַפָּנִים. ענְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא וָוארוּם מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט רַבִּי זָאגְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק בַּייא דֶעם לֶחֶם הַפָּנִים דָאס זָאל זַיין צוּ אַהֲרֹן מִיט דִי קִינְדֶער. הֶעלְפְט זָאל זַיין צוּ אַהֲרֹן אוּנ הֶעלְפְט זָאל זַיין צוּ זַיינֶע קִינְדֶער:

יא לא. עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דֶער מֶלֶךְ זָאל נִיט נֶעמֶען פִיל וַוייבֶּער: מֶער וִויא אַכְטְצֶעהְן זָאל עֶר נִיט נֶעמֶען. פוּן וַואנֶען וַוייסֶען מִיר אַז דֶער מֶלֶךְ מֶעג נֶעמֶען אַכְטְצֶעהְן וַוייבֶּער אוּנ נִיט מֶער. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עֶס אִיז גִיבָּארִין גִיוָוארִין צוּא דָוִד קִינְדֶער אִין חֶבְרוֹן. דֶער עֶלְצְטֶער זוּהְן הָאט גִיהֵייסֶען אַמְנוֹן. זַיין מוּטֶער הָאט גִיהֵייסֶען אֲחִינוֹעַם הַיִזְרְעֵאלִית. דֶער אַנְדֶערֶער זוּהְן הָאט גִיהֵייסֶען כִּלְאָב; זַיין מוּטֶער הָאט גִיהֵייסֶען אֲבִיגַיִל. דֶער דְרִיטֶער זוּהְן הָאט גִיהֵייסֶען אַבְשָׁלוֹם. זַיין מוּטֶער הָאט גִיהֵייסֶען מַעֲכָה. דֶער פֶערְטֶער זוּהְן הָאט גִיהֵייסֶען אֲדוֹנִיָה; זַיין מוּטֶער הָאט גִיהֵייסֶען חַגִית. דֶער פִינְפְטֶער זוּהְן הָאט גִיהֵייסֶען שְׁפַטְיָה. זַיין מוּטֶער הָאט גִיהֵייסֶען אֲבִיטַל. דֶער זֶעקְסְטֶער זוּהְן הָאט גִיהֵייסֶען יִתְרְעָם. זַיין מוּטֶער הָאט גִיהֵייסֶען עֶגְלָה. דָאס זֶענֶען גִיוֶועןן דִיא זֶעקְס קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גִיבָּארִין גִיוָוארִין צוּ דָוִד אִין חֶבְרוֹן פוּן זֶעקְס וַוייבֶּער. אוּנ עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט הָאט גִזָאגְט צוּ דָוִד אוֹיבּ דִיא זֶעקְס וַוייבֶּער זֶענֶען דִיר וֶוינִיג. וֶועל אִיךְ דִיר מַתִּיר זַיין צוּ נֶעמֶען אַזוֹי פִיל אוּנ אַזוֹ פִיל. אַזוֹי פִיל אִיז נָאךְ זֶעקְס. אוּנ נָאךְ אַזוֹי פִיל אִיז נָאךְ זֶעקְס אִיז אַכְטְצֶעהְן. זֶעהְן מִיר אַז אַמֶלֶךְ מֶעג נֶעמֶען בִּיז אַכְטְצֶעהְן וַוייבֶּער. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא דָוִד הָאט דָאךְ גִיהַאט נָאךְ אַוַוייבּ. מִיכַל דִיא טָאכְטֶער פוּן שָׁאוּל. רַב זָאגְט עֶגְלָה אִיז מִיכַל. פַאר וָואס הָאט מֶען אִיר גִירוּפֶען עֶגְלָה, וַוייל זִיא אִיז גִיוֶועןן גֶעלִיבְּט אוֹיף דָוִד אַזוֹי וִויא אַקָאלְבּ. אוּנ אַזוֹי זָאגְט דֶער פָּסוּק שִׁמְשׁוֹן הָאט אוֹיךְ גִירוּפֶען זַיין וַוייבּ מַיין קָאלְבּ. וָוארוּם עֶר הָאט גִזָאגְט צוּ זַיינֶע חֲבֵרִים וֶוען אִיר

כשהגידה להם הידותיו: ואמר רב שקלא מיכל למטרפסה. זה היה פרעון חטאה מה שנכתב בגדו לא היה לה ולד: אלא מההוא מעשה ואילך לא היה לה. אבל מקמי הכי איכא למימר דהיה לה: יפת כתיב ויקח דוד עוד. אלמא טובא הוו ליה נשים: יפת תואר. הנשבית במלחמה כדכתיב וראית בשביה: תמר. אחות אבשלום בת יפת תואר היתה קודם שנתגיירה בלב שלא מעכה אמו ילדה לו לדוד את תמר והיתה אצלו בתורת יפת

בעגלתי וגו׳ ומי הוי למיכל בני והכתיב (ש"ב ו) ולמיכל בת שאול לא היה לה ולד עד יום מותה אמר רב חסדא עד יום מותה לא היה לה ביום מותה היה לה מכדי בנים היכא קא חשיב להו בחברון ואילו מעשה דמיכל בירושלים הוה דכתיב (שם) ומיכל בת שאול נשקפה בעד החלון ותרא את המלך דוד מפזז ומכרכר לפני ה׳ ותבז לו בלבה וא"ר יהודה ואיתימא רב יוסף שקלתה מיכל למטרפסה אלא אימא עד אותו מעשה היה לה מכאן ואילך לא היה לה והכתיב (שם ה) ויקח דוד עוד פילגשים ונשים בירושלים למלויי שמונה עשר. מאי נשים ומאי פילגשים אמר רב יהודה אמר רב נשים בכתובה ובקדושין פילגשים בלא כתובה ובלא קידושין. א"ר יהודה אמר רב ת׳ ילדים היה לו לדוד וכולן בני יפת תואר היו ומגדלי בלורית היו וכולן יושבים בקרנות של זהב ומהלכים בראשי גייסות היו והם בעלי אגרופין של בית דוד. א"ר יהודה [אמר רב] תמר בת יפת תואר היתה שנאמר דבר

וואלט ניט גיהאקערט מיט מיין קאלב. פרעגט דיא גמרא האט דען מיכל גיהאט קינדער. עס שטייט דאך אין פסוק מיכל דיא טאכטער פון שאול האט ניט גיהאט קיין קינד ביז דעם טאג וואס זיא איז גישטארבין. האט רב חסדא גזאגט ביז דעם טאג וואס זיא איז גישטארבען האט זיא ניט גיהאט קיין קינד. אבער דעם טאג וואס זיא איז גישטארבען האט זי יא גיהאט אקינד: פרעגט דיא גמרא דער פסוק רעכונט דאך דיא קינדער וואס זענען גיבארין גיווארין צו דוד ווען ער איז גיוועז אין חברון. זאגט דער פסוק אז ווען דוד איז נאך גיוועז אין חברון האט שוין מיכל גיבארין אזוהן צו דוד: אונ מיכל האט דאך נאך גילעבט ביז אצייט שפעטער ווען דוד איז שוין גיוועז אין ירושלים. דער נאך זאגט איצט דער פסוק אז מיכל האט ניט גיהאט קיין קינדער. ביז זיא איז גישטארבין: ווארום עס שטייט אין פסוק אונ מיכל דיא טאכטער פון שאול האט גיקוקט דורך דעם פענסטער אונ זיא האט גיזעהן וויא דער מלך דוד שפרינגט אונ טאנצט פר גאט. האט זיא אים פאר שעמט אין איר הארצן. האט רב יהודה גזאגט אונ אנדערע זאגין רב יוסף האט גזאגט מיכל האט אפ גינומען דעם שטראף פר איר עבירה. וואס זיא האט ניט גיהאט קיין קינדער: נאר אזוי איז גיוועז. ביז דער מעשה וואס דוד האט גיטאנצט האט זיא יא גיהאט קינדער: פון דער מעשה אונ ווייטער האט זיא שוין ניט גיהאט קיין קינד ביז זיא איז גישטארבין. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק דוד האט גינומען נאך פלגשים אונ ווייבער אין ירושלים. האט דאך דוד גיהאט פיל ווייבער. ענטפערט דיא גמרא ער האט נאר גינומען ביז אכטצעהן. פרעגט דיא גמרא וועלכע רופט מען ווייבער. אונ וועלכע רופט מען פילגשים. האט רב יהודה גזאגט פון רבם וועגין דיא ווייבער וואס מען נעמט מיט כתובה אונ קידושין. הייסען ווייבער. אונ דיא ווייבער וואס מען נעמט אן כתובה אונ אן קידושין הייסען פילגשים. רב יהודה האט גזאגט פון רבם וועגין פיר הונדערט קינדער האט דוד המלך גיהאט. אונ אלע זענען גיווען גיבארין פון די שיינע ווייבער וואס דוד האט גיפאנגען אין דער מלחמה. אונ זייא זענען גיוועז בעוואקסין מיט גרויסע האר. אונ אלע פלעגין פארין אן גאלדענע קארעטין. אונ זייא פלעגין גיין אין דיא ערשטע אין חיל. אונ זייא זענין גיוועזן דיא שטארקסטע פון דודס פאמיליע. רב יהודה האט גזאגט פון רבם וועגין תמר דיא טאכטער פון דוד איז גיוועזן איר מוטער אגויה וואס דוד האט איר גיפאנגען אין דער מלחמה ווייל זי איז שיין גיוועזן. אונ דער נאך וויא תמר איז גיבארין גיווארין האט די מוטער זיך מגייר גיוועזן. אונ האט גיבארין איר ברודער אבשלום. ווארום עס שטייט אין פסוק תמר האט גזאגט צוא אמנון זאג דיין פאטער דעם מלך אז דו ווילסט מיך פר אווייב. אונ דיין פאטער וועט סיך ניט

(ש"ב יג) דבר נא אל המלך כי לא ימנעני ממך ואי ס"ד בת נשואים היא אחתיה מי הוה שריא ליה אלא ש"מ בת יפת תואר היתה (שם) ול"ם ון רע ושמו יונדב בן שמעה אחי דוד (והיה) [ויונדב] איש חכם וגו' אמר רב יהודה אמר רב איש חכם לרשעה. (שם) ויאמר לו מדוע אתה ככה דל בן המלך וגו' ויאמר לו יונדב שכב על משכבך והתחל וגו' ועשתה לעיני את הבריה וגו' ותקח את המשרת ותצוק לפניו אמר רב יהודה אמר רב שעשתה לו מיני טיגון. (ש"ב יג) ותקח תמר אפר על ראשה וכתנת הפסים אשר עליה קרעה תנא משמיה דר' יהושע בן קרחה גדר גדול גדרה תמר באותה שעה אמרו אם לבנות מלכים כך לבנות הדיוטות עאכ"ו אם לצנועות כך לפרוצות עאכ"ו אמר רב יהודה א"ר באותה שעה גזרו (שם כ"ג) על היחוד ועל הפנויה: (מ"א א) יב ואדוניה בן חגית מתנשא לאמר אני אמלוך אמר רב יהודה אמר רב מלמד שבקש להולמו ולא

הוא' : ועתה דבר נא וגו'. יונדב מנסיב ליה עצה לאמנון : מי הוה שריא ליה. אלא שמע מינה עדיין לא נתגיירה אמה כשילדתה ואין ולד שפחה ונכרית מישראל. אין לו קורבת אב: במסכת יבמות: השתא. עשה עצמך כחולה: הבריה. מאכל: טיגון. פריי"ט : גדרה תמר בדמעתה וזעקתה ונהגה עצמה בבזיון כשאלו שאמר נשים קל וחומר בעצמן מה בנות מלכים אירע קלקול זה בהדיוטות על אחת כמה וכמה: על היחוד. דאשת איש ועל הפנויה: שבקש להולמו ולא הולמתו (ויעש לו רכב ופרשים) שנשא בראשו כתר מלכות ולא הולמתו לפי שהיה שרבים של זהב בתוך חללה מדופן לדופן

פאר מיידין פון דיר. אז מיר וועלין זאגין אז דיא מוטער פון תמר האט תתונה גיהאט מיט דוד איידער זיא איז מעוברת גיווארין מיט תמר. איז דאך תמר גיוועזן אשוועסטער פון אמנון וויא אזוי וואלט אמנון איר גימעגט נעמען פר אווייב. נאר געוויס מוז זיין אז דיא מוטער פון תמר איז גיוועזן אגויה ווען זיא איז מעוברת גיווארין מיט תמר פון דוד. זיא איז גיוועזן אשיינע וואס דוד האט איר גיפאנגען אין דער מלחמה. דריבער איז תמר ניט גיוועזן גירעכנט אשוועסטער צו אמנון. אונ אמנון האט גימעגט נעמען תמר פאר אווייב. אין פסוק שטייט אמנון האט גיהאט אגוטען פריינד זיין נאמען איז גיוועזן יונדב דער זוהן פון שמעה דער ברודער פון דוד. אונ יונדב איז גיוועזן אגרויסער חכם. רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין ער איז גיוועזן אחכם צו שלעכץ. יונדב האט גזאגט צו אמנון דו ביסט דאך אקעניגס אזוהן ווארום ביסטו אזוי מאגער. האט אמנון גזאגט וייל איך האב ליב תמר דיא שוועסטער פון אבשלום. האט יאנדב גזאגט צו אמנון לייג דיך אויף דיין גילעגער אונ זאג דוא ביסט קראנק וועט דיין פאטער קומען צו דיר דיך זעהן: וועסטו זאגין צו דיין פאטער זאל קומען מיין שוועסטער תמר אונ זיא זאל מאכין פר מיינע אויגין דאס גיפרעגילטע עסין. תמר איז גיקומען אונ זי האט גינומען דיא פאטעלניע (דיא סקאווראדע) אונ זיא האט גיגאסען פר זיינע אויגען דיא בוימאייל. רב יהודה זאגט פון רבס וועגין תמר האט גימאכט אזעלכע ערליי גיפרעגילטע עסין. דער נאך ווי אמנון האט מיט איר מזנה גיוועזן. האט תמר גינומען אש אונ הט גילייגט אויף איר קאפ. אונ דיא זיידענע העמדיל וואס אויף איר האט זיא צעריסען. מיר האבען גילערנט פון רבי יהושע בן קרחהס וועגין. תמר האט אין דיא צייט פר צאמט אגרויסע פאר צאמונג. אז נקבות זאלין ניט זיין אליין אין אשטוב מיט אזכר: ווארום דיא נקבות האבען גזאגט מאראך אקעניגליכע טאכטער האט אזעלכעס גיטראפען. קען דאך אפראסטין מענטשינס אטאכטער געווים אזעלכעס טרעפין. אויב צו אפרומע האט אזעלכעס גיטראפען. קען דאך צו ניט אפרומע געווים אזעלכעס טרעפין. רב יהודה הט גזאגט פון רבס וועגין אין דיא צייט האבען די חכמים גוזר גיוועזן אז אאשה וואס הט אמאן אונ אפילו אזעלכע וואס האט ניט אמאן זאלין ניט זיין אליין אין אשטוב מיט זכרים:

יב ואדוניה. אונ אדוניה דער זוהן פון חגית איז ביי זיך גרויס גיוועזן אונ ער הט גזאגט אין וועל זיין אמלך. רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין דער פסוק דער ציילט אונז אז אדוניה הט אן גימאסטין דיא קרוין אויב זיא וועט זיצען אויף זיין קאפ. אונ זיא הט ניט

ולא הולמתו (שם) ויעש לו רכב ופ"שים וחמשים איש רצים לפניו כאי רבותא אמר רב יהודה אמר רב כלן נטולי טחול והק קי כפות רגלים היו :

יג רב יהודה רמי כתיב (מ"א ה) ויהי לשלמה ארבעים אלף ארוות סיסים למרכבתו וכתיב (ד"ה ב ט) ויהי לשלמה ארבעת אלפים ארוות סוסים הא כיצד אם מ' אלף איצטבלאות היה כל אחד ואחד היו בו ארבעה אלפים ארוות ואם ארבעת אלפים איצטבלאות היו כל אחד ואחד היה בו ארבעים אלף אהוות . ר' יצחק רמי כתיב (שם) אין כסף נחשב בימי שלמה למאומה וכתיב (מ"א י) ויתן (שלמה) (המלך) את הכסף בירושלים כאבנים לא קשיא כאן קודם שנשא שלמה את בת פרעה כאן לאחר שנשא שלמה את בת פרעה א"ר יצחק בשעה שנשא שלמה את בת פרעה ירד גבריאל ונעץ קנה בים והעלה שירטון ועליו נבנה כרך גדול שברומי : וא"ר

ואינה מתיישבת בראשו אלא למי שיש לו חריץ בראשו וכיא עדות לבית דוד שכל הראוי למלכות הולמתו ומי שאינו ראוי למלכות אינה הולמתו : מאי רבותיה . ש"ש חמשים איש (מאי רבותיה) לבן מלך : נטולי טחול והקיקי כפות הרגלים . נטולי טחול ע"י סם שהטחול מכביד על האדם והקוקי כפות הרגלים אין בשר בפרסותיהם ורצים על הקוצים ועל הברקנים ואין ניזוקין :

איצטבלאות. בית גדול למאכל הסוסים : ארוות . הבדלה בין שורה לשורה על פני הבית :

כאבנים . חשוב מיכה פורתא :

גיפאכט צו זיין קאפ . ווארום אין דיא קרוין איז געוועזען אגאלדענע רוהט . זיא הט געשטעקט פון איין וואנט צו די אנדערע וואנט . דריבער האט דיא קרוין ניט גיקענט זיצען אויף קיינעמס קאפ . נאר דער וואס האט גידארפט זיין א מלך האט ער גיהאט אשפאלט אין קאפ . וואס די רוהט הט זיך אריין גיזעצט אין שפאלט . הט שוין די קרוין גיקענט זיצען אויף זיין קאפ . אונ אדוניה הט ניט גיהאט קיין שפאלט אין קאפ) . אונ אדוניה הט גימאכט פאר זיך רייטוועגין אונ רייטער אונ פופציג מענטשין זענען גילאפען פאר אים . פרעגט דיא גמרא וואס פאר אגרויסקייט איז דס געוועזען פאר אזוהן פון אמלך . הט רב יהודה גזאגט פון רבס וועגין די אלע פופציג מענטשין הט מען פון זייא ארויס גינומען זייערע מילצען . זייא זאלין זיין גרינג צום לויפען . אונ טען הט אראפ גנומען די פלייש פון די פאדעשוועס פון די פיס . עס איז נאר געבליבען די בלויזע ביינער . זייא זאלין קענען לויפען אפילו אויף דערנער :

יג רב יהודה האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט שלמה האט גיהאט פערציג טויזענד שטאלין מיט פערד צו זיינע רייטוועגין . אונ אין אנדערין פסוק שטייט שלמה האט גיהאט פיר טויזענד שטאלין מיט פערד . וויא אזוי איז דאס גיוועזן . ענטפערט דיא גמרא אויב עס איז גיוועזן פערציג טויזענד שטאלין . איז גיוועזן אין יעדער שטאל פיר טויזענד ווענט אפ גיצאמט מיט אוואנט צווישען יעדער שורה פערד (אשורה פערד אונ אוואנט נאך אשורה פערד אונ אוואנט . אונ אזוי איז גיוועזן אין יעדער שטאל פיר טויזענד שורות פערד אונ פיר טויזענד ווענט) . אונ אויב עס איז גיוועזן פיר טויזענד שטאלין . איז גיוועזן אין יעדער שטאל פערציג טויזענד ווענט אפ גיצאמט מיט אוואנט צווישען יעדער שורה פערד (אשורה פערד אונ אוואנט נאך אשורה פערד אונ אוואנט . אונ אזוי איז גיוועזן אין יעדער שטאל פערציג טויזענד שורות פערד אונ פערציג טויזענד ווענט) . רבי יצחק האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט אין דיא צייט פון שלמה איז זילבער ניט גיוועזן גירעכונט צו עפעס . אונ אין אנדערין פסוק שטייט דער מלך האט גיגעבין דיא זילבער אין ירושלים אזוי וויא שטיינער . איז דאך דיא זילבער יא עפעס ווערט גיוועזן . וויא שטיינער : זאגט דיא גמרא . עס איז ניט קיין קשיא . אייידער שלמה האט גינומען דיא טאכטער פון פרעה פאר אווייב . איז זילבער גאר ניט ווערט גיוועזן . אבער דער נאך וויא שלמה האט חתונה גיהאט מיט דיא טאכטער פון פרעה . אונ ש'מה האט גידארפט אוים געבין זייער פיל געלט אויף אירע פערגעניגונגס . איז שוין זילבער טייערער גיווארין . רבי יצחק זאגט ווען שלמה הט חתונה גיהאט מיט דיא טאכטער פון פרעה . האט אראפ גענידערט גבריאל פון הימעל אונ ער האט אריין גשטעקט אשטעקין אין ים אונ צו דעם שטעקין הט זיך צו געקליבען בלאטע ביז עס איז גיווארין

יד וא"ר יצחק מפני מה לא נתגלו טעמי התורה שהרי שתי מקראות נתגלו טעמם ונכשל בהן גדול העולם כתיב (דברים יז) לא ירבה לו נשים אמר שלמה אני ארבה ולא אסור . וכתיב (מ"א י"א) ויהי לעת זקנת שלמה נשיו הטו את לבבו . וכתיב (דברים יז) ולא ירבה לו סוסים ואמר שלמה אני ארבה ולא אשיב וכתיב (מ"א י) ותצא מרכבה ממצרים בשש מאות כסף וגו' :

לא נתגלו טעמי תורה : כגון למה אסרה נבישת טעמא ואכילת חזיר וכיוצא בהן :

טו משנה מלך כותב לו ספר תורה לשמו יוצא למלחמה והיא עמו נכנס והוא עמו יושב בדין והוא עמו מסב והוא כנגדו שנאמר (דברים יז) והיתה עמו וקרא בו כל ימי חייו : **גמ'** אמר (רבה) אף על פי שהניחו לו לאדם אבותיו ספר תורה מצוה לכתוב משלו שנאמר (שם לא) ועתה כתבו לכם את השירה

איתיביה

אַאִינְזוּל . אוּנ אוֹיף דֶעם אִינְזוּל אִיז גִיבָּאהט גִיוָואָרִין דִי שְׁטַאט רוֹים . וָוס זֵי הָט חָרוּב גִימַאכְט דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ :

יד וְאָמַר : נָאךְ הָאט רַבִּי יִצְחָק גִזָאגְט פַאר וָואס הָאט גָאט נִיט גִזָאגְט דֶעם טַעַם פוּן דִי מְצוֹת וָואס שְׁטֵייט אִין דֶער תּוֹרָה וְמָשָׁל פַאר וָואס מֶען טָאר נִיט עֶסִין חַזִיר , אוּנ מֶען טָאר נִיט גֵיין גִיקְלֵיידְט אִין שַׁעַטְנֵז . וָוארוּם צְווֵיי פְּסוּקִים הָט גָאט גִיזָאגְט זֵייעֶר טַעַם . אוּנ דֶער גְרֶעסְטֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶער וֶועלְט אִיז אִין זֵייא גִישְׁטְרוּיכֶלְט גִיוָוארִין . אוּנ הָאט זֵייא נִיט מְקַיֵּים גִיוֶוען . אִין אֵיין פָּסוּק שְׁטֵייט אַמֶלֶךְ זָאל נִיט נֶעמֶען פִיל וַוייבֶּער . שְׁטֵייט אַטַעַם פַאר וָואס זָאל עֶר נִיט נֶעמֶען פִיל וַוייבֶּער . זֵייא זָאלִין נִיט אָפּ טָאהן זַיין הַארְץ פוּן גָאט . הָאט שְׁלֹמֹה גִזָאגְט אִיךְ מֶעג נֶעמֶען פִיל וַוייבֶּער וָוארוּם מַיין הַארְץ וֶועלִין זֵייא נִיט אָפּ טָאהְן פוּן גָאט . וָואס אִיז גִיוֶוען דֶער סוֹף . דֶער נָאךְ וִויא שְׁלֹמֹה אִיז אַלְט גִיוָוארִין הָאבֶּען דִיא וַוייבֶּער זַיינֶע טַאקִי אָפּ גִינֵייגְט זַיין הַארְץ פוּן גָאט . נָאךְ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דֶער מֶלֶךְ זָאל נִיט הָאבֶּען פִיל פֶערְד : שְׁטֵייט אַטַעַם פַאר וָואס זָאל עֶר נִיט הָאבֶּען פִיל פֶערְד . עֶר זָאל נִיט דַארְפִין שִׁיקֶען מֶענְטְשִׁין פוּן דִיא יוּדִין אִין מִצְרַיִם דָארְטִין קוֹיפֶען פֶערְד : הָאט שְׁלֹמֹה גִזָאגְט אִיךְ מֶעג הָאבֶּען פִיל פֶערְד . וָוארוּם אִיךְ וֶועל נִיט שִׁיקֶען יוּדִין אִין מִצְרַיִם צוּם קוֹיפֶען פֶערְד . וָואס אִיז גִיוֶוען דֶער סוֹף פְלֶעגִין יוּדִין פָארִין אִין מִצְרַיִם הַאנְדְלֶען מִיט פֶערְד פַאר שְׁלֹמֹהס וֶועגִין אוּנ אַקַאטְשׁ מִיט פִיר פֶערְד פְלֶעגְט מֶען בְּרֵיינְגֶען פוּן מִצְרַיִם פַאר זֶעקְס הוּנְדֶערְט טָאלֶער . אָבֶּער וֶוען גָאט וָואלְט נִיט גִזָאגְט פַר וָואס עֶר הֵייסְט נִיט נֶעמֶען פִיל וַוייבֶּער אוּנ עֶר וָואלְט נִיט גִזָאגְט פַאר וָואס עֶר הֵייסְט נִיט הָאבֶּען פִיל פֶערְד . וָואלְט שְׁלֹמֹה נִיט גִנוּמֶען פִיל וַוייבֶּער אוּנ וָואלְט נִיט גִיהַאט פִיל פֶערְד . הָאט גָאט גֶעוִויזֶען אַז מֶען קֶען נִיט זָאגְן צוּא אַמֶענְטְשִׁין דֶעם טַעַם פוּן דִיא מִצְוֹת :

טו משנה : מֶלֶךְ : דֶער מֶלֶךְ זָאל שְׁרַייבִּין אַסֵפֶר תּוֹרָה אוֹיף דֶעם נָאמֶען פוּן דִיא מְלוּכָה . אוֹיסֶער דִיא סֵפֶר תּוֹרָה וָואס יֶעדֶער יוּד אִיז מְחוּיָב צוּ שְׁרַייבִּין : מוּז עֶר שְׁרַייבִּין נָאךְ אַסֵפֶר תּוֹרָה ווייל עֶר אִיז אַמֶלֶךְ . דִיא סֵפֶר תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען ווייל עֶר אִיז אַיוּד . זָאל זִיא לִיגֶען אִין זַיינֶע אוֹצְרוֹת . צוּ זַאמֶען מִיט אַלֶע טַייעֶרֶע זַאכֶען . אוּנ דִיא סֵפֶר תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען ווייל עֶר אִיז אַמֶלֶךְ . אַז עֶר גֵייט אִין אַמִלְחָמָה . נֶעמְט עֶר דִי סֵפֶר תּוֹרָה מִיט זִיךְ . אַז עֶר קוּמְט צוּרִיק פוּן דִיא מִלְחָמָה צוּ זִיךְ אַהֵיים . זָאל עֶר נִיט אַוֶועק שְׁטֶעלִין דִיא סֵפֶר תּוֹרָה . נָאר עֶר הַאלְט זִיא נֶעבִּין זִיךְ . אוֹיב עֶר זִיצְט מִשְׁפָּטִין . זָאל זַיין דִי סֵפֶר תּוֹרָה נֶעבִּין אִים . אַז עֶר זֶעצְט זִיךְ צוּם עֶסִין . זָאל דִיא סֵפֶר תּוֹרָה לִיגֶען אַיין קֶעגִין אִים . וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִיא סֵפֶר תּוֹרָה זָאל זַיין מִיט אִים (מִיט דֶעם מֶלֶךְ) אוּנ עֶר זָאל לֵייעֶנֶען אִין דִיא סֵפֶר תּוֹרָה אַזוֹי לַאנְג וִויא עֶר וֶועט לֶעבִּין . גְּמָרָא : רַבָּה זָאגְט אֲפִילוּ אַמֶענְטְשׁ הָט שׁוֹין אַסֵפֶר תּוֹרָה , עֶר הָאט זִיא גֶעיַרְשֶׁת פוּן זַיינֶע עֶלְטְרִין . פוּן דֶעסְטְווֶעגִין אִיז אַמִצְוָה עֶר זָאל אַלֵיין לָאזִין שְׁרַייבֶּען אַסֵפֶר תּוֹרָה . אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִיצְט זָאלְט אִיר שְׁרַייבֶּען יֶעדֶער פַר

לשתי תורות. כלא דהאי מלך מהדיוט דאילו הדיוט סגי ליה בחדא ומלך בעי תרתי :
משנה. בהים במשמע :

איתיביה אביי וכותב לו ס"ת לשמו (ובלבד) שלא יתנאה בשל (אבותיו) (אחרים) . מלך אין חדיוט לא לא צריכא אלא לשתי תורות כדתניא וכתב לו את משנה וגימט כותב לשמו שתי תורות אחת שהיתה יוצאת ונכנסת עמו ואחת שמונחת לו בבית גנזיו אותה שיוצאה ונכנסת עמו (עושה אותה כמין קמיע ותולה בזרועו שנא' (תהלים טז) שויתי ה' לנגדי תמיד כי מימיני בל אמוט) אינו נכנס בה לבית המרחץ ולא לבית הכסא שנאמר (דברים יז) והיתה עמו וקרא בו מקום הראוי לקרות בו :

טז אמר מר זוטרא ואיתימא מר עוקבא בתחלה ניתנה תורה לישראל בכתב עברי ולשה"ק הזרה וניתנה להם בימי עזרא בכתב אשורית ולשון ארמי ביררו להן ישראל כתב אשורית ולשון הקודש והניחו להדיוטות כתב עברית ולשון ארמית מאן הדיוטות אמר רב חסדא כותאי מאי כתב עברית

זיך דיא שירה, דם מיינט מען אספר תורה. הט אביי גיפרעגט מיר האבען דאך גילערונט דער מלך דארף שרייבען אספר תורה אויף זיין נאמען. אונ ער זאל זיך ניט בשיינען מיט אספר תורה וואס ער האט פון אנדערע מענטשין: זעהן מיר אז דער דין איז נאר ביי אמלך אפילו ער האט אספר תורה נאר איין אנדערער האט איר גילאזט שרייבען. ניט ער. מוז ער אליין לאזין שרייבען אספר תורה. אבער אפראסטער מענטש אז ער האט אספר תורה אפילו איין אנדערער האט איר גילאזט שרייבען איז שוין גענוג. דארף ער ניט אליין אויך לאזין שרייבן. ענטפערט דיא גמרא, דער דין איז טאקי אזוי ביי יעדער מענטש. אפילו ער האט שוין אספר תורה. נאר איין אנדערער האט איר גילאזט שרייבין. ניט ער. מוז ער אליין לאזין שרייבען אספר תורה. נאר אמלך דארף לאזין שרייבין צוויי ספרי תורות. אזוי וויא מיר האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק וכתב לו את משנה. משנה איז טייטש טאפילט. ער דארף אליין לאזין שרייבין צוויי ספרי תורות. איינע זאל ער האבען מיט זיך ווען ער איז אין שטוב אונ ווען ער גייט אין דער מלחמה. אונ איינער זאל ליגען אין זיינע אוצרות. דיא ספר תורה וואס גייט אריין אונ ארויס מיט אים זאל ער איר מאכען אזוי וויא אקמיע ווער זאל זיא אריין לייגין אין אשייד] אונ זאל זיא אויף איינגען אויף דעם ארעם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך האב גיטאן גאט געגין מיר אייביג. ווארום אז גאט איז ביי מיין רעכטע האנט וועל איך מיך ניט אויס גליטשען. אונ ער טאר ניט אריין גיין מיט דיא ספר תורה אין אבאד. אונ ניט אין אבית הכסא. ווארום עס שטייט אין פסוק דיא ספר תורה זאל זיין מיט אים אונ ער זאל לייענען אין איר. אז ער איז אויף אזו אארט וואס מען מעג לייענען אין אספר תורה. מעג די ספר תורה זיין מיט אים. אבער אז ער איז אויף אזוי אארט וואס מען טאר ניט לייענען אין אספר תורה. טאר ניט זיין די ספר תורה מיט אים :

טז אמר. מר זוטרא האט גזאגט אונ אנדערע זאגין מר עוקבא הט גזאגט אין אנהייב ווען דיא תורה איז גיגעבין גיווארין צו דיא יודין. איז זיא גיוועזן געשריבען מיט דאס געשריפט (דיא אותיות) וואס מען שרייבט אויף די אנדערע זייט פון טייך פרת. אונ דיא שפראך איז גיוועזן לשון הקודש. דער נאך ווען דיא תורה איז גיגעבין גיווארין צו די יודין אין דיא צייט פון עזרא. איז זיא גיוועזן געשריבען מיט דעם כתב (מיט דיא אותיות) וואס מען שרייבט אין אשור. אונ דיא שפראך איז גיוועזן ארמית. האבין דיא יודין אויס געקליבען דאס געשריפט (דיא אותיות) זאל זיין אזוי וויא מען שרייבט אין אשור. אונ דיא שפראך זאל זיין לשון הקודש. אונ זייא האבין גילאזין פאר דיא פראסטע מענטשין זייא זאלין שרייבין דאס געשריפט (דיא אותיות) אזוי וויא מען שרייבט אויף דיא אנדערע זייט טייך. אונ דיא שפראך זאל זיין ארמית. ווער זענין דיא פראסטע מענטשין. הט רב חסדא גזאגט דם זענין דיא כותים. וויא זענען גיוועזן דיא אותיות וואס מען שרייבט אויף דיא אנדערע זייט טייך פרת. האט רב חסדא גזאגט

עברית אמר רב חסדא כתב ליבונאה. תניא ר' יוסי אומר ראוי היה עזרא שתנתן תורה על ידו לישראל אלמלא קדמו משה במשה הוא אומר (שמות יט) ומשה עלה אל האלהים בעזרא הוא אומר הוא עזרא עלה מבבל מה עליה האמור כאן תורה אף עליה האמור להלן תורה במשה אומר (דברים ד) ואותי צוה ה' בעת ההיא ללמד אתכם חקים ומשפטים בעזרא הוא אומר (עזרא ז) כי עזרא הכין לבבו לדרוש את תורת ה' (אלהיו) ולעשות וללמד לישראל חק ומשפט ואע"פ שלא נתנה התורה על ידו נשתנה ע"י הכתב שנאמר (דף כב) (עזרא ד) וכתב הנשתון כתוב ארמית ומתורגם ארמית וכתיב (דניאל ה) ולא כהלין כתבא למקרא ופשרא להודעה למלכא (מלמד שבאותו היום ניתן) [וכתיב] (דברים יז) וכתב לו את משנה התורה הזאת כתב הראוי להשתנות למה נקראת אשורית שעלה עמהם מאשור. תניא רבי אומר בכתב זה ניתנה התורה לישראל כיון שחטאו נהפך להן לרועץ כיון שחזרו בהם החזירו להן שנאמר (זכריה ט) שובו לבצרון אסירי התקוה גם היום מגיד משנה אשיב לך למה

כתב עברי. של בני עבר הנהר: ליבונאה. אותיות גדולות כעין אותן שכותבין בקמיעות ומזוזות: וכתב הנשתוון. כתב שנשתנה והאי קרא בעזרא כתיב שהיו כותבין בימיו כתב משונה שנשתנה על ידי מלאך שכת' [מנא] מנא תקל ופרסין בימי דניאל וכתב ארמי ולשון ארמי ואומר לא כהלין כתבא למקרא (דכיון שחטאו) לא היו יכולין לקרות כתב שכתב המלאך בימי בלשאצר והיו שם יהודים הרבה שמע מינה נשתנה להם אותו כתב באותו היום: את משנה התורה. רמז לנו משה רבינו שכתב שבימיו עתיד להשתנות (מן אשורית) [מן עברית לאשורית] שנתן להם בימי דניאל ובא עזרא וכתב בו את התורה בכתב אשורית: בכתב זה כו'. בימי משה ולמה לא כהלין כתבא למקרא דכיון שחטאו בבית ראשון ובזו את התורה: נהפך להם לרועץ. לשון תרעץ אויב שכתוב: שובו לבצרון. לעיר מבצר שלכם לירושלים ואבית שני קא מתנבא: גם היום מגיד משנה. מה שכתב את משנה התורה הזאת: אשיב לך. אחזיר לך מה

ליבונאה דאס איז גרויסע אותיות. אונ דס איז געוועזן דער כתב פון לבן הארמי. מיר האבין געלערנט רבי יוסי זאגט עזרא איז ווערט געוועזן אז דיא תורה זאל דורך אים גיגעבין ווערין צו די יודין. ווען ניט משה וואלט געקומען אויף דער וועלט פאר עזרא. וואלט די תורה גיגעבין געווארין דורך עזרא. ווארום ביי משה שטייט אין פסוק ומשה עלה אל האלהים. אונ ביי עזרא שטייט אין פסוק הוא עזרא עלה מבבל. אזו וויא דער עלה ארויף גיין וואס משה איז ארויף גיגאנגען צו גאט. איז דאה געוועזן צו נעמען דיא תורה. אזוי דער עלה ארויף גיין וואס עזרא איז ארויף גיגאנגען פון בבל. איז אויך געוועזן צו נעמען דיא תורה. ביי משה שטייט אין פסוק מיך האט גאט גיבאטין אין דיא צייט איך זאל אייך לערנען חקים אונ משפטים. אונ ביי עזרא שטייט אויך אין פסוק עזרא האט אן גיברייט זיין הארץ צו פארשטין די תורה פון גאט אונ איר צו טאהן אונ צו לערנען צוא דיא יודין חקים אונ משפטים. אונ אפילו דיא תורה איז ניט גיגעבין געווארין דורך עזרא. אבער די אותיות פון דיא תורה איז גיענדערט געווארין דורך עזרא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וכתב הנשתון. דאס געשריפט וואס איז גיענדערט געווארין. עס איז געוועזן געשריבען ארמית אונ איבער גיזעצט אויף ארמית. אונ עס שטייט אין פסוק מען האט ניט גיקענט לייענען דם געשריפט אונ דם בשיידונג פון דעם געשריפט האט מען ניט גיקענט מאכען וויסען צום מלך. פר וואס האט קיינער ניט גיוואוסט: ווייל אין דעם זעלבינן טאג איז גיגעבין געווארין צו די יודין דאס געשריפט אונ די שפראך. אונ עס שטייט אין פסוק דער מלך זאל שרייבין את משנה התורה הזאת. פאר וואס רופט מען דאס משנה. ווייל דאס געשריפט פון די תורה איז געוועזן אין משהס צייט אן גיברייט זיא זאל גיענדערט ווערין אין דיא צייט פון עזרא. פר וואס רופט מען דעם כתב אשורית. ווייל דיא יודין האבין גיברינגט דאס געשריפט פון אשור. מיר האבען גילערונט רבי זאגט מיט דעם געשריפט ארמית איז גיגעבין געווארין דיא תורה צו די יודין דורך משה. ווען דיא יודין האבין געזינדיגט. איז דער כתב ביי זיי צו בראכין (פאר געסין) געווארין. אונ אז דיא יודין האבין תשובה גיטאהן. האט מען זייא דעם כתב צוריק גיגעבין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שובו לבצרון אסירי התקוה (דיא יודין וואס זענען געוועזן פאר בונדען מיט דיא אפענונג. זאלט איר אייך צוריק קערין צו אייער פעסטע שטאט צו ירושלים) גם היום מגיד משנה אשיב לך (איך זאג דיר היינט אויך

משנה את מאס התורה הזאת : ווי העמודים . יהודות שכף העשויין כאונקליות וקבועים בעמודים שבהם תופסין לולאות קלעי החצר והמסך וכל אונקליות דומין לווין אלמא בימי משה עשו יין היוין כעין שלנו . והעמודים לא נשתנו [ל"ג לא בתוספתא] : ה"ג בתוספתא מה לשונם לא נשתנה דהא ד"ס בלשון הקודש (נכתבה) [נאמרה] ועדיין בלשון הקודש היא : כמו קמיע . קטנה בכתב דק מאוד : שויתי ה' לנגדי . סיפיה דקרא כי מימיני בל אמוט דוד המלך על שם ספר תורה שבזרועו אמר : לא נשתנה כל עיקר משמע לא (נכתבה) [נשתנית] מהם כלל דהא עליה דרבי אתא לאיפלוגי ומאי לא כהלין כתבא למקרא : יע"ם .

למה נקרא שמה אשורית שמאושרת בכתב ר' שמעון [בן אלעזר] אומר משום ר' אלעזר בן פרטא שאמר משום רבי אלעזר המודעי כתב זה לא נשתנה כל עיקר שנא' (שמות כז) ווי העמודים מה עמודים לא נשתנו אף ווים לא נשתנו ואומר (אסתר ח) ואל היהודים ככתבם וכלשונם מה לשונם לא נשתנה אף כתבם לא נשתנה אלא מה אני מקיים את משנה התורה הזאת לשתי תורות אחת שיוצאת ונכנסת עמו ואחת שמונחת לו בבית גנזיו אותה שיוצאת ונכנסת עמו עושה אותה כמין קמיע ותולה לו בזרועו שנא' (תהלים טז) שויתי ה' לנגדי תמיד ואידך האי שויתי מאי דריש ביה ההוא מיבעי' ליה לכדרב חנא בר ביזנא א"ר שמעון חסידא המתפלל צריך שיראה עצמו כאילו שכינה כנגדו שנאמר שויתי ה' לנגדי תמיד לרבי שמעון דאמר כתב זה לא נשתנה מאי לא כהלין כתבא למקרא אמר רב בגימטריא איכתב להון יט"ת יט"ת אד"ך פוגהמ"ט מאי פריש להו מנא מנא תקל ופרסין

אז איך וועל דיר צוריק געבין דעם כתב פון דיא תורה וואס דו האסט פר געסין . פאר וואס רופט מען דעם כתב אשורית . ווייל דאס איז דאס בעסטע כתב . רבי שמעון בן אלעזר זאגט פון רבי אלעזר בן פרטאס וועגין וואס ער האט גזאגט פון רבי אלעזר המודעים וועגין דאס געשריפט פון די תורה וואס משה רבינו האט גיגעבין איז קיין מאהל ניט גיענדערט גיווארין . ווארום עס שטייט אין פסוק ווי העמודים דיא האקין וואס זענען גיוועזן אריין גישטעקט אין דיא זיילין . פר וואס רופט מען דיא האקין ווי . ווייל זייא זענען גיוועזן גימאכט אזוי ווי א וא"ו . זעהן מיר דאך אז דער וא"ו וואס איז גיוועזן אין משהס צייט איז דער זעלביגער וא"ו וואס היינט איז . אזוי וויא אין משהס צייט האט אהאק אויס גיזעהן וויא א וא"ו : היינט זעהט אויך אויס אהאק וויא א וא"ו . איז דאך דער כתב ניט גיענדערט גיווארין . נאך שטייט אין פסוק צו דיא יודין זאל מען שרייבין אזוי וויא זייער געשריפט אונ וויא זייער שפראך איז . אזוי וויא דיא שפראך פון דיא יודין איז ניט גיענדערט גיווארין . אזוי איז זייער געשריפט אויך ניט גיענדערט גיווארין . נאר וואס דען מיינט דיא תורה דער מלך זאל שרייבין את משנה התורה הזאת . משנה מיינט מען צוויי . דער מלך דארף שרייבין צוויי תורות . איין תורה וואס זיא גייט ארויס אונ אריין מיט אים . אונ איין תורה וואס זיא ליגט אין זיינע אוצרות . דיא תורה וואס זיא גייט אריין אונ ארויס מיט אים . מאכט ער זיא אזוי וויא א קמיע (א קליינע אונ מיט קליינע אותיות געשריבען) . אונ ער איינגט זיא אן אויף דעם ארעם . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך האב גיטאהן גאט אנקעגין מיר אייביג . ווארום אז גאט איז ביי מיין רעכטע האנט (אז איך האב דיא ספר תורה אויף מיין רעכטע האנט) וועל איך מיך ניט אויס גליטשען . פרעגט דיא גמרא דער תנא וואס זאגט אז משנה מיינט מען דער כתב איז גיענדערט גיווארין . אונ ער האלט ניט אז דער מלך האט גיהאט צוויי ספרי תורות . וואס דרשת ער מיט דעם פסוק איך האב גיטאהן גאט גענגין מיר . ענטפערט דיא גמרא דעם פסוק דארפין מיר אזוי וויא רב חנא בר ביזנא האט גזאגט פון רבי שמעון חסידאס וועגין . דער וואס דאווינט דארף ער זעהן גלייך וויא דיא שכינה וואלט גישטאנען גענגין אים . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך האב גיטאהן גאט גענגין מיר אייביג . פרעגט דיא גמרא נאך רבי שמעון וואס ער זאגט אז דער כתב איז ניט גיענדערט גיווארין . אונ ער איז קיין מאהל ניט פאר געסין גיווארין . פר וואס האט מען דעם כתב ניט גיקענט לייענען . הט רב גזאגט דער כתב איז גיוועזן געשריבען אויף גימאטשטע אותיות . עס איז גיוועזן געשריבען יט"ת יט"ת אר"ך פוגחמ"ט . וויא האט דם דניאל גילייענט . מנא מנא תקל

ופרסין מנא מנא אלהא מלכותך והשלמה לך תקל תקלתא במאזניא והשתכחת חסיר פרסין פריסת מלכותך ויהיבת למדי ופרס ושמואל אמר ממתו"ם ננקפ"י אאלר"ן ור"י אמר אנ"ם אנ"ם לק"ת ניסרפ"ו. רב אשי אמר נמ"א נמ"א קת"ל פורסי"ן:

יז א"ר יעקב א"ר יוחנן אבישג מותרת לשלמה ואסורה לאדוניה מותרת לשלמה דמלך היה ומלך משתמש בשרביטו של מלך ואסורה לאדוניה דהדיוט הוא אבישג מאי היא דכתיב (מ"א א) והמלך דוד זקן בא בימים ויאמרו לו עבדיו יבקשו וגומר וכתיב (שם) ויבקשו נערה יפה וגו' וכתיב (שם) והנערה יפה עד מאד ותהי למלך סוכנת ותשרתהו אמרה ניכסבן אמר לה אסירת לי אמ־ה ליה חסריה לגנבא נפשיה לשלמא נקט אמר להו קראו לי לבת שבע וכתיב ותבא בת שבע אל המלך החדרה א"ר יהודה א"ר באותה שעה קינחה בת שבע בי"ג מפ־ת: אמר

פירוש

בא"ת ב"ש (מנה) מנית את זו וכו': מה שכלדם במקום מ"ם כותב יו"ד הסמוכה לה במקום נו"ן כותב מי"ם ובמקום אל"ף כותב תי"ו: ופרסין. שתי פריסות משמע וזו היא פריסת מלכותך ויהיבת למדי ופרס: ממתו"ם ננקפ"י אאלר"ן. עשאן שלש תיבות של חמש אותיות צרף אותיות הראשונות של כל תיבה ועשאן תיבה אחת ואח"כ צרף השניות וכן מן השלישים: (ע"כ פירש"י ז"ל ובריש מסכת מגלה האריכנו בזה הענין):

אסירת לי. שכבר נשאתי י"ח: חסריה לגנביה נפשיה לשלמה נקט. כשהגנב חסר שאינו מוצא מקום לגנוב מחזיק עצמו בענוה כאיש שלום כלומר מפני שזקנת ותשש כחך אתה אומר שאני אסורה לך: וקינחה בת שבע. שבא עליה י"ג ביאות ומקנחת בין השמים להשמים ובמקרא הזה כתובין שלש עשרה תיבות: ותבא בת שבע אל המלך החדרה והמלך זקן מאד ואבישג השונמית משרת את המלך:

ופרסין וואָרום אויף דעם א"ב א"ת ב"ש ווערט גיטאָהשט פון יט"ת יט"ת אדיך פונחמ"ט אויף מנא מנא תקל ופרסין). מנא מנא איז דער טייטש גאָט האָט גיציילט דיא יאָהרין פון דיין מלוכה אונ זייא האָבען זיך שוין אויס גולאָזט. תקל: גאָט האָט גיוואוגין דיינע מעשים אויף אוואג שאל אונ דוא ביסט גיפונען גיוואָרין פעל. עס פעלט דיר גוטע מעשים. פרסין. גאָט האָט אָפּ גיבראָכען דיין מלוכה אונ ער האָט זיא גיגעבין צו מדי אונ פרס. שמואל זאָגט עס איז גיוועזען געשריבען ממתו"ם ננקפ"י אאלר"ן. אז מען זאָל נעמען פון יעדער וואָרט איין אות קען מען לייענען מנא. נאך אמאָהל מנא: תקל. ופרסין. אונ רבי יוחנן זאָגט עס איז גיוועזען געשריבען פאַר קערט. אנ"ם אנ"ם לק"ת ניסרפ"ו. רב אשי זאָגט אזוי איז גיוועזען געשריבען נמ"א נמ"א קת"ל פורסי"ן:

יז אמר. רבי יעקב האָט גיזאָגט פון רבי יוחנן וועגין שלמה האָט גימעגט נעמען דיא אבישג פאַר אַווייב. אונ אדוניהו האָט ניט גיטאָרט נעמען די אבישג פאַר אַווייב. שלמה האָט גימעגט נעמען דיא אבישג פאַר אַווייב. וואָרום ער איז גיוועזען אמלך: אונ אמלך מעג ניצען מיט דיא רוט פון אמלך. אונ אדוניה האָט ניט גיטאָרט נעמען דיא אבישג: ווייל ער איז גיוועזען אפּראָסטער מענטש. אונ אפּראָסטער מענטש מאָר ניט נעמען דיא אלמנה פון אמלך. פרעגט דיא גמרא וויא אזוי האָט שלמה גימעגט נעמען דיא אבישג פאַר אַווייב זיא איז דאך גיוועזען זיין פאָטערס ווייב. ענטפערט דיא גמרא זיא איז ניט גיוועזען אַווייב פון דוד זיא האָט אים נאָר בּדינט. אזוי וויא עס שטייט אין פּסוק דער מלך דוד איז גיוועזען אַלט ער איז שוין גיקומען אין יאָה־ין. האָבין דיא קנעכט גיזאָגט צוא אים מען וועט זוכען פאַרין מלך אשיינע מיידיל אונ מען האָט גיפונען דיא אבישג. אונ דיא מיידיל אבישג איז גיוועזען זייער שיין אונ זיא פלעגט דעם מלך דער וואַרעמען אונ זיא האָט אים בּ־דינט. האָט אבישג גיזאָגט צו דוד האָב חתונה מיט מיר. האָט דוד גיזאָגט צו אבישג איך טאָר דיך ניט נעמען פאַר אַווייב. וואָרום איך האָב שוין אַכטצעהן ווייבער אַן דיר. אונ מער וויא אַכטצעהן טאָר איך ניט נעמען. האָט אבישג גיזאָגט צו דוד אז דער גנב האָט ניט וואו צוא גנבנן ווערט ער פרום. אז דו ביסט שוין אַלט אונ שוואך וא סטו אז דו טאָרסט ניט חתונה האָבין מיט מיר. האָט דוד גיזאָגט מען זאָל רופין בת שבע זאָל קומען צו אים. איז בת שבע גיקומען צום מלך אין זיין צימער. רב יהודה האָט גיזאָגט פון רבם וועגין אין דער צייט האָט זיך בת שבע אפּגעווישט דרייצעהן מאָהל מיט דרייצעהן טיכער ווייל דוד האָט איר בועל גיוועזען דרייצעהן מאָהל. איין מאָהל

והתירו לו. ליחד עם אבישג ואע"ג שאסור יחוד של פנויה: ולא התירו לו לגרש. אחת משמונה נשים וישאנה: אור חשך באהלו. בשביל אהלו ואין אהלו אלא אשתו: יצרו צעדי אונו. בחריס כתיב:

יח אמר רב שמן בר אבא בוא וראה כמה קשה גרושים שהרי לדוד התירו לו לי חד ולא התירו לו לגרש. אר"א כל המגרש את אשתו ראשונה אפילו מזבח מוריד עליו דמעות שנאמר (מלאכי ב) וזאת שנית תעשו כסות דמעה את מזבח ה' וגו' וכתיב (שם) ואמרתם על מה וגו' והיא חברתך ואשת בריתך. א"ר יוחנן ואיתימא רבי אלעזר אין אשתו של אדם מתה אלא א"כ מבקשין ממנו ממון ואין לו שנאמר (משלי כב) אם אין לך לשלם למה יקח משכבך מתחתיך וא"ר יוחנן כל אדם שמתה אשתו ראשונה כאילו חרב בהמ"ק בימיו שנאמר (יחזקאל כד) בן אדם הנני לוקח ממך מחמד עיניך במגפה לא תספוד ולא תבכה ולא תבא דמעתך וכתיב (שם) ואדבר אל העם בבקר ותמת אשתי בערב וכתיב (שם) הנני מחלל את מקדשי גאון עוזכם ומחמד עיניכם. א"ר אלכסנדראי כל אדם שמתה אשתו בימיו עולם חשך בעדו שנאמר (איוב יח) אור חשך באהלו ונרו עליו ידעך ר' יוסי בר' חנינא אמר פסיעותיו מתקצרות שנא' (איוב יח) יצרו צעדי אונו רבי אבהו אומר עצתו נופלת שנא' שם

נָאךְ דָאס אַנְדֶערֶע. צוּ וַוייזֶן אַבִישַׁג אַז עֶר הָאט נָאךְ גִינוּג כֹּחַ צוּ בּוֹעֵל זַיין אַ וַוייבּ. נָאר עֶר הָאט נִיט חַתוּנָה מִיט אִיר וַוייל עֶר טָאר נִיט:

יח אָמַר. רַב שֶׁמֶן בַּר אַבָּא הָאט גִזָאגְט קוּם אוּנ זֶעה וִויא שְׁוֶוער עֶס אִיז צוּא גֶטִין אַ וַוייבּ. ווָארוּם מֶען הָאט מַתִּיר גִיוֶועזֶן צוּא דָוִד עֶר זָאל זַיין אַלֵיין אִין אַשְׁטוּבּ מִיט דִיא אַבִישַׁג. אוּנ מֶען הָאט אִים נִיט מַתִּיר גִיוֶועזֶן עֶר זָאל גֶטִין אֵיינֶע פוּן זַיינֶע וַוייבֶּער אוּנ עֶר זָאל חַתוּנָה הָאבֶּען מִיט דִיא אַבִישַׁג. רַבִּי אֶלְעָזָר זָאגְט דֶער ווָאס גֶט זַיין עֶרְשְׁטֶע וַוייבּ. אֲפִילוּ דֶער מִזְבֵּחַ וַויינְט אוֹיף אִים. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פְּסוּק נָאךְ אַוַאךְ טוּהְט אִיר: אִיר בַּדֶעקְט מִיט טְרֶערִין דֶעם מִזְבֵּחַ פוּן גָאט: אוּנ אִיר פְרֶעגְט פַאר ווָאס זֶענֶען דִיא טְרֶערִין. וַוייל אִיר הָאט פַאר שְׁטוֹיסִין פוּן זִיךְ אַייעֶרֶע וַוייבֶּער. אוּנ דִיא וַוייבּ אִיז דָאךְ דַיין בַּהֶעפְטוּנְג ווָאס דוּ בִּיסְט מִיט אִיר גִיקוּמֶען אִין פַאר בִּינְדוּנְג. רַבִּי יוֹחָנָן זָאגְט אַנְדֶערֶע זָאגִין רַבִּי אֶלְעָזָר הָאט גִזָאגְט וֶוען שְׁטַארְבְּט בַּיי אַ מַאן זַיין וַוייבּ. אַז עֶר הָאט גִיטָאהְן אַ נֶדֶר. אוּנ מֶען מָאנְט בַּיי אִים עֶר זָאל בַּצָאלֶען דָאס גֶעלְט ווָאס עֶר הָאט אַ נֶדֶר גִיטָאהְן צוּ גֶעבִּין. אוּנ עֶר הָאט נִיט צוּ גֶעבִּין. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פְּסוּק אוּבּ דוּ הָאסְט נִיט צוּ בְּצָאהְלִין דַיין נֶדֶר. פַ׳ ווָאס זָאל מֶען נֶעמֶען דַיין גִילֶעגֶער פוּן אוּנְטֶער דִיר (פַאר ווָאס זָאל מֶען בַּיי דִיר צוּ נֶעמֶען דַיין ווייבּ). נָאךְ הָאט רַבִּי יוֹחָנָן גִזָאגְט דֶער מֶענְטְשׁ ווָאס זַיין עֶרְשְׁטֶע וַוייבּ אִיז גִישְׁטָארְבִּין. אִיז בַּיי אִים גְלַייךְ וִויא דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ ווָאלְט חָרוּב גִיוָוארִין אִין זַיין צַייט. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פְּסוּק גָאט הָאט גִזָאגְט צוּא יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא בֶּן אָדָם. אִיךְ וֶועל צוּ נֶעמֶען פוּן דִיר דָאס גְלוּסְטוּנְג פוּן דַיינֶע אוֹיגִין מִיט אַמַּגֵּפָה. זָאלְסְט נִיט קְלָאגִין אוּנ זָאלְסְט נִיט וַויינֶען אוּנ דַיינֶע טְרֶערִין זָאלִין נִיט קוּמֶען אִין דַיינֶע אוֹיגֶען. הָאט יְחֶזְקֵאל גִזָאגְט אִיךְ הָאבּ דָאס גִירֶעט צוּם פָאלְק אִין דֶער פְרִיא אוּנ מַיין וַוייבּ אִיז גִישְׁטָארְבִּין פַארִין נַאכְט. זֶעהְן מִיר ווָאס גָאט הָאט גִזָאגְט דִיא גְלוּסְטוּנְג פוּן דַיינֶע אוֹיגִין. הָאט עֶר גִימֵיינְט דִיא וַוייבּ זַיינֶע. וֶוערְט דָאס וַוייבּ גִירוּפֶען דִי גְלוּסְטוּנְג פוּן דֶעם מֶענְטְשִׁינְס אוֹיגִין: אוּנ בַּיי דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ שְׁטֵייט אִין פְּסוּק אִיךְ וֶועל פְרָאסְט מַאכֶען מַיין הֵיילִיגְקֵייט ווָאס ווָאס אִיז אַייעֶר גְרוֹיסֶע שְׁטַארְקֵייט אוּנ דִיא גְלוּסְטוּנְג פוּן אַייעֶרֶע אוֹיגֶען. וֶוערְט דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוֹיךְ גִירוּפֶען דִיא גְלוּסְטוּנְג פוּן דִיא אוֹיגֶען אַזוֹי וִויא דִיא וַוייבּ פוּן מֶענְטְשִׁין. רַבִּי אַלֶכְּסַנְדְרָאִי הָאט גִזָאגְט דֶער מֶענְטְשׁ ווָאס זַיין וַוייבּ שְׁטַארְבְּט בַּיי זַיין לֶעבִּין. אִיז דִיא וֶועלְט פִינְסְטֶער פַאר אִים. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פְּסוּק אוֹר חָשַׁךְ בְּאָהֳלוֹ. דִיא לִיכְטִיגְקֵייט אִיז בַּיי אִים פִינְסְטֶער גִיוָוארִין דוּרְךְ זַיין גִיצֶעלְט (דוּרְךְ זַיין וַוייבּ ווָאס זִיא אִיז גִישְׁטָארְבִּין). אוּנ זַיין לִיכְט אִיז בַּיי אִים אָפּ גִישְׁפְּרוּנְגֶען (אַוֶועק גִיגַאנְגֶען). רַבִּי יוֹסִי בְּרַבִּי חֲנִינָא זָאגְט זַיינֶע טְרִיט וֶוערִין

עבורי מעברה. במילי מעברת על מדותיו: גולם כ׳ ל. קודם שנבעלה. גולם כלי שלא נגמר קרוי גולם:

(דף) ותשליכהו עצתו אמר רבה בר בר חנה א״ר יוחנן קשה לזווגם כקריעת ים סוף שנאמר (תהלים סח) אלהים מושיב יחידים ביתה מוציא אסירים בכושרות אל תקרי מוציא אסירים אלא כמוציא אסירים אל תקרי בכושרות אלא בכי ושירות איני והא אמר רב יהודה אמר רב ארבעים יום קודם יצירת הולד בת קול יוצאת ואומרת בת פלוני לפלוני לא קשיא הא בזווג ראשון הא בזווג שני. ארשב״נ לכל יש תמורה חוץ מאשת נעורים שנאמר (ישעיה נד) ואשת נעורים כי תמאס מתני ליה רב יהודה לרב יצחק בריה אין אדם מוצא קורת רוח אלא מאשתו ראשונה שנאמר (משלי ה) יהי מקורך ברוך ושמח מאשת (דף ע״ב) נעוריך א״ל כגון מאן א״ל כגון אמך איני והא מקרי ליה רב יהודה לרב יצחק בריה (קהלת ז) ומוצא אני מר ממות את האשה אשר היא מצודים וחרמים וא״ל כגון מאן וא״ל כגון אמך מיתקף תקיפא עבורי מיעברה במילי אמר רבי שמואל בר אוניא [משמיה דרב] אשה גולם היא ואינה כורתת ברית אלא למי שעשאה כלי שנאמר

אים איינג. ער קען ניט גיין אין גאס פר דינגען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק יצרו צעדי אונו. זיינע שטארקע טריט ווערין אים איינג ווערין. רבי אבהו זאגט זיינע עצות פאלען אוועק פון אים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ותשליכהו עצתו. זיין עצה וועט אים אוועק ווארפען. רבה בר בר חנה הט גזאגט פון רבי יוחנן׳ס וועגין אמאן מיט אווייב איז ביי גאט שווער צו זאמען צו פארין. אזוי וויא עס איז שווער געווען צום צוא רייסען דעם ים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אלהים מושיב יחידים ביתה. אז גאט בזעצט פון איינצעלנע מענטשין אשטוב [אמאן מיט אווייב האבען חתונה אונ פון זייא ווערט אבזונדער שטוב]. מוציא אסירים בכושרות. דו זאלסט ניט לייענען מוציא אסירים. נאר זאלסט לייענען כמוציא אסירים. אונ זאלסט ניט לייענען בכושרות. נאר זאלסט לייענען בכי ושירות: [דאס איז ביי גאט אזוי שווער. וויא עס איז שווער געוועזן ווען גאט האט ארויס גינומען די געבונדענע יודין פון מצרים. אונ האט זייא געפירט איבער דעם ים מיט געוויין. אונ ווען זייא זענען ארויס גיגאנגען פון ים האבען זייא גיזונגען]. פרעגט די גמרא עס איז דאך ניט אזוי. ווארום רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין פערציג טעג איידער דאס קינד ווערט בשאפען גייט ארויס אקול אונ זאגט דעם מענטשינס טאכטער זאל זיין דעם מענטש נס ווייב. זאגט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא אז אבחור נעמט אבתולה דאס ווערט אויס גרופען איידער זייא ווערין בשאפען. אבער אז אאלמן נעמט אאלמנה אדער אגרושה. אדער אגרוש נעמט אאלמנה אדער אגרושה. דאס איז ביי גאט שווער צו זאמען פארין. רבי שמואל בר נחמן זאגט אלץ וואס אמענטש פאר לירט קען ער בעקומען איין אנדער זאך אזעלכע. נאר אז ער פאר לירט. דיא ערשטע ווייב זיינע. דאס קען ער שוין אזעלכעס ניט בעקומען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אפילו דיא ווייב פון דער יוגענד ווערט פאר מיאוסט. אונ ער נעמט איין אנדערע. האט ער דער נאך חרטה. ווארום ער וועט פון דיא אנדערע ווייב ניט האבען דעם פערגעניגען וואס ער האט גיהאט פון דיא ערשטע ווייב. רב יהודה האט גילערנט צו זיין זוהן רב יצחק אמענטש געפינט ניט קיין פערגעניגען נאר ביי זיין ערשטע ווייב: אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דיין קוואל [דיין בשאפונג] וועט זיין גיבענשט אז דוא וועסט דיך פרייען מיט דיא ווייב וואס דו האסט גינומען אין דיין יוגענד. האט רב יצחק גזאגט צום פאטער וועמען מיינסטו. האט דער פאטער צו אים גזאגט איך מיין דיין מוטער. פרעגט די גמרא עס איז דאך ניט אזוי ווארום רב יהודה האט גילערנט מיט זיין זוהן רב יצחק דעם פסוק אונ איך געפין ביטערער וויא דער טויט איז דיא ווייב זיא איז נאר אנעץ צו פאנגען דעם מענטשין. האט רב יצחק גיפרעגט ביי זיין פאטער וועלכע ווייב איז אזוי ביטער. הט דער פאטער גזאגט אזוי אווייב וויא דיין מוטער איז. ווען מיר אז זיין ווייב איז געוועזן אשלעכטע: ענטפערט די גמרא זיא איז ניט גיוועזן אשלעכטע

אלא אם כן יודעין מי חותם עמהם. שמא יחתמו עמהם עד אחד פסול ומבטל עדות כלם ומשלו אלו נוטים (ורבק לית לנו דרכ יהודה כלכך דעת הדיינין בעין שיכירו מי ישב עמהן הגון): ואין נכנסין לסעודה וכו'. שנהגו הוא לתלמידי חכמים לישב אלא עם הארץ בסעודה:
ושותן זה בזה. מטיח ומקיש זה לזה אלמא חריפא

שנאמר (ישעיה נד) כי בועליך עושיך ה' צבאות שמו תנא אין איש מת אלא לאשתו ואין אשה מתה אלא לבעלה אין איש מת אלא לאשתו שנאמר (רות א) וימת אלימלך איש נעמי ואין אשה מתה אלא לבעלה שנא' (בראשית מח) ואני בבואי מפדן מתה עלי רחל:

זה בורר פרק שלישי

(דף כג) **א תניא** כך היו נקיי הד"ת שבירושלים עושין לא היו חותמים על השטר אלא אם כן היו יודעים מי חותם עמהם ולא היו יושבין בדין אלא א"כ היו יודעים מי יושב עמהם ולא היו נכנסים בסעודה אלא א"כ יודעים מי מיסב עמהם:

(דף כד) **ב** [גופא] (אמר ר"מ זה פסל עדיו של זה) אמר ר"ל פה קדוש יאמר דבר זה תני עדו איני והאמר עולא הרואה ריש לקיש בבית המדרש כאילו עוקר הרים וטוחנן זה בזה אמר רבינא והלא כל הרואה ר"מ בבית המדרש כאילו עוקר הרי הרים

נאר אבעסן. אונ אז מען האט איר דער צערינט אונ מען האט ביי איר גיבעטן זיא זאל מוחל זיין. האט זיא מוחל גיוועזן. רב שמואל בר אוניא האט גזאגט פון רבם וועגין: א אשה זאל זיין אזוי וויא אשטיק מאטריאל וואס מען קען פון איר מאכען וואס פאר אכלי מען וויל. אזוי ענדערט אמיידל איר נאטור נאך דעם ווילען פון איר ערשטין מאן. ווארום אמיידיל מאכט ניט קיין פאר בינדונג נאר מיט דעם מענטש וואס האט איר גימאכט פר אכלי. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער וואס האט דיך בועל גיוועזן. האט דיך גימאכט. זיין נאמען איז דער גאט פון אלע ערשאפט. מיר האבען גילערנט אמאן שטארבט נאר צו דער וויב. אונ אווייב שטארבט נאר צום מאן. אז אמאן שטארבט נאר צו דער ווייב ווייסען מיר פון דעם פסוק עס איז גישטארבען אלימלך דער מאן פון נעמי. מיר ווייסען שוין פריער אז אלימלך איז גיוועזן דער מאן פון נעמי. נאר דער פסוק ציילט אונז אז נאר צוא נעמי איז ער גישטארבין. אונ אז אווייב שטארבט נאר צום מאן. ווייסען מיר פון דעם פסוק. יעקב האט גזאגט ווען איך בין גיקומען פון פדן איז רחל גישטארבין אויף מיר. נאר אויף מיר איז זיא גישטארבין ניט צוא קיין אנדערין:

פרק שלישי

א תניא. מיר האבען גילערנט דיא איידעלע מענטשין פון ירושלים פלעגין אזוי טאהן: זיא פלעגין זיך ניט התמנן אויף אוועקסיל פאר אעדות. סיידין זייא האבען גיוואוסט ווער וועגען דיא איבעריגע עדות וואס וועלין זיך חתמנן מיט זייא. אונ זייא זענען ניט גיזעסן פר דיינים. סיידין זייא האבען גיוואוסט ווער עס וועלין זיין דיא איבעריגע דיינים וואס וועלין זיצען מיט זייא. אונ זייא זענען ניט אריין גיגאנגען צוא אסעודה. סיידין זייא האבען גיוואוסט ווער עס וועלין זיין דיא איבעריגע מענטשין וואס וועלין זיצען מיט זייא ביי דער סעודה:

ב גופא. פריער שטייט רבי מאיר האט גזאגט דער מאכט פסול דיא עדות פון דעם. האט ריש לקיש גזאגט אזוי אהייליגע מויל וויא רבי מאיר האט גיהאט זאל זאגין אזוי אזאך נאר זאלסט ניט לערנען עדיו זיינע עדות. פיל עדות. אונ אמווייניגסטען צוויי עדות. נאר זאלסט לערנען עדו. זיין איין עדות. פרעגט דיא גמרא עולא האט דאך גזאגט דער וואס האט גיזעהן ריש לקיש אין בית המדרש איז גיוועזן גלייך וויא ער וואלט גיזעהן מען רייסט אויס בערג אונ מען מאלט איין באנג מיט דעם אנדערין בארג. ביז פון ביידע בערג ווערט זאמד. אוני

רים וטוחנן זה בזה הכי קאמר בא וראה כמה מחבבין
ה את זה כי הא דיתיב רבי וקאמר אסור להטמין את
צונן אמר לפניו ר׳ ישמעאל בר׳ יוסי אבא התיר
הטמין את הצונן א״ל כבר הורה זקן אמר רב פפא
א וראה כמה מחבבין זה את זה דאילו ר׳ יוסי היה
ים היה כפוף ויושב לפני רבי דהא רבי ישמעאל
רבי יוסי ממלא מקום אבותיו הוה והיה כפוף ויושב
לפני רבי וקאמר כבר הורה זקן:

טוחנת הוה ומקרי ליה לר״מ דרך ענוה פה קדוש: אמר רבינא. ומאי תמיהא והלא ר״מ ע״קר הרים הוה כלומר חלים וגבר טפי ט״כ״ז: בא וראה כמה. כלו׳ לא אתמוהי קמתמהי אלא ה״ק בא וראה כמה בני א״י מחבבין זה את זה דהא ר״ל ת״יף וקהים טובא הוה וקרי ליה לר״מ פה קדוש דקא מחבב ליה ומיישב הדבר להתקיים: להטמין את הצונן. מים צונן ומתירא שלא יוחמו אסור להטמינן בהול צונן לשבת: הורה זקן. רבי יוסי דאזלינן בתריה: ממלא מקום אבותיו. חשוב כאביו: מחבלים. בלשון עז וחמה מקפ״ן זה לזה ובני א״י נוחין יחד ומעיינין יחד ומתקן זה את

א״ר אושעיא מאי דכתיב (זכריה יא) ואקח לי שני
מקלות לאחד קראתי נועם ולאחד קראתי חובלים נועם אלו ת״ח שבא״י
שמנעימין זה לזה בהלכה (שם ד) ויאמר אלי אלה בני היצהר העומדים וגו׳ ושנים זיתים
עליה יצהר א״ר יצחק אלו ת״ח שבא״י שנוחין זה לזה בהלכה כשמן זית ושנים זיתים
עליה

לעגט ריש לקיש נעמען צוויי דריי שווערע קשיות אונ פרעגט פאר ענפערין מיט איין קשיא די
אנדערע. אונ אז ריש לקיש איז געוועזן אזוי אגרויסער חריף וועט ער זיין ביי זיך אזוי נידעריג
אז ער זאל זאגין אויף רבי מאיר דיא היילינע מויל. האט רבינא גזאגט דאס איז גאר קיין
קשיא ניט ווארום רבי מאיר איז געוועזן אגרעסערער חריף וויא ריש לקיש. ווארום דער וואס
האט געזעהן רבי מאיר אין בית המדרש איז געוועזן גלייך וויא ער וואלט געזעהן מען רייסט אויס
צוויי גרויסע בערג וואס אויף יעדער בארג האט געוואקסען נאך אבארג אונ מען מאלט איין
בארג מיט דעם אנדערין בארג ביז פון ביידע בערג ווערט זאמד. אזוי פרעגט רבי מאיר
נעמען צוויי דריי דיא גרעסטע קשיות אונ פרעגט פאר ענפערין מיט איין קשיא דיא אנדערע.
זאגט דיא גמרא ניט מען האט זיך געוואונדערט אויף ריש לקיש פאר וואס ער זאגט אויף רבי
מאיר דיא היילינע מויל. נאר פארקערט האט מען גזאגט קום זעה וויא דיא חכמים פון ארץ
ישראל האבען ליב גיהאט איינער דעם אנדערין. אונ זייא האבען גיגעבין כבוד איינער צום
אנדערין. אז ריש לקיש וואס ער איז געוועזן אזוי אגרויסער חריף האט ער גיגעבין כבוד צוא
רבי מאיר אונ האט אים גירופען דיא היילינע מויל. נאך אזוי אגלייכען געפינען מיר רבי איז
אמאהל גיזעסין אונ האט גזאגט אדין אז איינער האט קאלטע וואסער אונ ער הט מורא ווי
זעלין וואַרעם ווערין וויל ער זייא בעהאלטין אין קאלטע זאמד אום שבת. טאר מען ניט.
האט רבי ישמעאל ברבי יוסי גזאגט פאר רבי מיין פאטער האט גזאגט מען מעג בעהאלטין דיא
קאלטע וואסער אין קאלטע זאמד אום שבת. האט רבי גזאגט אויף רבי יוסי אז דער אלטער
מאן האט גזאגט מען מעג. מעג מען. האט רב פפא גזאגט קום אונ זעה וויא ליב דיא חכמים
האבען גיהאט איינער דעם אנדערין. ווארום ווען רבי יוסי וואלט גילעבט וואלט ער גיוועזן
אונטער טעניג צוא רבי. ווארום רבי ישמעאל דער זוהן פון רבי יוסי האט גיקענט אזוי גוט
לערנען וויא זיין פאטער רבי יוסי. אונ רבי ישמעאל איז געוועזן אונטער טעניג צו רבי. וואלט
דאך דער פאטער אויך גיוועזן אונטער טעניג צו רבי. פון דעסטוועגין האט רבי גזאגט אויף
רבי יוסי אז דער אלטער הט אזוי גיפסקת. זאל בלייבען וויא ער האט גיפסקת:

ג אמר. רבי אושעיא האט גזאגט עס שטייט אין פסוק דער נביא זאגט איך האב
גענומען צוויי שטעקינס. איין שטעקין האב איך גערופין נועם. דעם אנדערין שטעקין האב
איך גירופען חובלים. נועם מיינט מען דיא תלמידי חכמים וואס אין ארץ ישראל. ווען איינער
לערנט מיט דעם אנדערין. לערנט ער מיט אים מיט זיסע רייד. חובלים מיינט מען דיא
תלמידי חכמים פון בבל. אז איינער לערנט מיט דעם אנדערין. לערנט ער מיט בייזין אונ
מיט כעס. עס שטייט אין פסוק דער מלאך האט גזאגט צו מיר דאס זענען דיא קינדער יצהר.

עליה אלו ת"ח שבבבל שמרירין זה לזה בהלכה כזית כתיב (זכ ה) (ואשא) עיני וארא והנה שתים נשים יוצאות ורוח בכנפיהן ולהנה כנפים ככנפי החסידה ותשנה (את) האיפה בין הארץ ובין השמים ואומר אל המלאך הדובר בי אנה מוליכות את האיפה ויאמר אלי לבנות לה בית בארץ שנער א"ר יוחנן משום ר' שמעון בן יוחאי זה חנופה וגסות הרוח שירדו לבבל. וגסות הרוח לבבל נחית והאמר מר עשרה קבין גסות ירדו לעולם תשעה נטלה עילם ואחד כל העולם כלו אין לבבל נחית ואשתרבובי הוא דאשתרבב לעילם דיקא נמי דכתיב לבנות לה בית בארץ שנער ש"מ. תכית לבבל לא והאמר מר סימן לגסות הרוח עניות ועניות לבבל נחית מאי עניות עניות דתורה דכתיב (שיר השירים ח) אחות לנו קטנה ושדים אין לה ואמר ר' יוחנן זו עילם שזכתה ללמוד ולא זכתה ללמד. מאי בבל א"ר יוחנן בלולה במקרא בלולה במשנה

דברי זה והשמועה יוצאה לאור: איפה. זה יצר הרע: שתי נשים. הגופה וגסות הרוח: ורוח בכנפיהם. לשון גסות הרוח: ככנפי החסידה. זו הגופה שמראין עצמם חסידים: לבנות לה בית. ולא כתיב לבנן (אלא) [אלמא] האחת לבדה נתיישבה בה: עניות תורה. בעילם היא דניאל בעילם הוה דכתיב ואני הייתי בשושן הבירה אשר בעילם המדינה ולא רבן תורה עזרא הוה בבבל ולמד חק ומשפט

אונ צוויא איילבירטען זענען אויף איר. רבי יצחק האט גזאגט יצהר (בוימאייל) מיינט מען דיא תלמידי חכמים וואס אין ארץ ישראל. אז זייא לערנען איינער מיט דעם אנדערין. ריידין זייא מיט גוטע רייד אזוי וויא בוימאייל. אונ צוויי איילבירטען זענען אויף איר מיינט מען די תלמידי חכמים וואס אין בבל. אז זייא לערנען איינער מיט דעם אנדערין. ריידין זייא מיט ביטערע רייר. אזוי וויא איילבירטען וואס זענען ביטער. עס שטייט אין פסוק דער נביא זאגט איך האב אויף גיהויבין מיינע אויגען או. איך האב גיזעהן צוויי ווייבער גייען ארויס אונ אווינט איז אין זייערע פליגול אונ זייא האבען פליגול אזוי וויא דיא פויגיל חסידה. אונ זייא האבען ניטראגן דיא מאס צווישען די ערד אונ דעם הימעל (אין דער לופטין). האב איך גזאגט צום מלאך וואס האט גירעט מיט מיר וואו אהין טראגין זייא דיא מאס; האט דער מלאך צו מיר גזאגט זייא ווילען באהעען אשטוב פאר דיא מאס אין דעם לאנד שנער (דאס איז בבל). (די מאס דס איז דער יצר הרע. אזוי וויא עס שטייט אין די מסכת יומא פ"ז. אונ דיא צוויא ווייבער ווער זענען האט רבי יוחנן גזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין דאס איז חניפה (פאלשקייט. אזוי וויא איינער וואס ווייזט ער איז אחסיד. אונ עס איז ליגען). אונ גאוה. וואס אמענטש איז גרויס ביי זיך. אונ דיא צוויי שלעכטע מדות זענען דא אין בבל. דאס מיינט מען פר זייא צו באהעען אשטוב (אוואוהנונג) אין בבל. פרעגט די גמרא איז דען דיא מדה פון גאוה גיקומען אין בבל. דער תנא האט דאך גזאגט צעהן מאס גאוה איז אראפ גיקומען אויף דער וועלט. ניין מאס גאוה האט גינומען דיא מדינה עילם. אונ איין מאס האט גינומען דיא גאנצע וועלט. ענפערט דיא גמרא גאוה איז טאקי גיקומען אין בבל. פון בבל איז זיא גיקומען אין עילם. פון פסוק זעהט מען אויך אזוי. ווארום עס שטייט אין פסוק צו באהען פאר איר אשטוב אין בבל. צוויי שלעכטע מדות זענען דאך גיקומען אין בבל. האט דאך גידארפט שטיין צו באהען פאר זייא אשטוב. נאר איין מדה איז אוועק גיגאנגען פון בבל. דיא מדה פון גאוה איז אוועק גיגאנגען פון בבל אין עילם. אונ אין בבל איז נאר געבליבען די מדה פון חניפה (פאלשקייט) אליין. פרעגט דיא גמרא אונ אין בבל איז ניטא קיין גאוה. דער תנא הט דאך גזאגט אסימן אויף גאוה איז ארעמקייט. דער וואס איז ארעם איז אסימן אז ער איז גרויס ביי זיך. אונ בבל איז דאך ארעם איז דאך אסימן אז אין בבל איז דא גאוה. ענפערט דיא גמרא דער ווס איז גרויס ביי זיך האט ניט ארעמקייט פון געלט. נאר ארעמקייט פון תורה. אונ בבל איז נאר גיוועזן ארעם אין געלט אבער ניט אין תורה. איז אסימן אז בבל איז ניט גיוועזן גרויס ביי זיך. אבער עילם איז גיוועזן גרויס ביי זיך איז זיא גוועזן ארעם אין תורה. ווארום עס שטייט אין פסוק מיר האבען אקליינע שוועסטער אונ זיא הט ניט קיין בריסט. האט רבי יוחנן גזאגט דס מיינט מען זיא מדינה עילם זיא האט זוכה גיוועזן צוא

במשנה בלולה כתלמוד (איכה ג) במחשכים הושיבני כמתי עולם א"ר ירמיה זה תלמודא של בבל:

(דף כה) **ד ההוא** טבחא דאישתכח דנפקא טריפותא מתותי ידיה (פסליה) [שמתיה] רב נחמן ועבריה אזל רבי מזייה וטופריה סבר ר"נ לאכשוריה א"ל רבא דילמא איערומי קא מערים אלא מאי תקנתיה כדרב אידי בר אבין דאמר רב אידי בר אבין החשוד על הטריפות אין לו תקנה עד שילך למקום שאין מכירין אותו ויחזיר אבידה בדבר חשוב או שיוציא טרפה מתחת ידו בדבר חשוב שלו:

(שם ע"ב) **ה אמר** רב יהודה סתם רועה פסול סתם גבאי כשר אבוה דר' זירא עבד גביותא תליסר שנין כי הוה אתא ריש נהרא למתא כי הוה חזי רבנן אמר להו (ישעיה כו) לך עמי בא בחדריך כי הוה חזי אינש דמתא אמר ריש נהרא

פירוש:

בישראל: במחשכים הושיבני. שאין מהם זה עם זה ותלמודה ספק בידם:

רבי מזייה וטופריה. הגדיל שערו וצפרניו לנוול עצמו לעשות תשובה: שאין מכירין אותו. דתשובה דהתם לאו עירומי הוא: ויחזיר אבידה. אם מצא אבידת חבירו דקיין דמחזיר אבידה הוא ודאי הדר ביה מחמדת ממון:

סתם. רועה דאכתי לא חזינן דעיילו בהמותיו בשדות אחרות: סתם גבאי כשר. עד דשמעינן ביה דשקיל יתירתא כי הוה חזי. אבוה דרבי זירא רבנן מיושבי העיר: אמר לך עמי בא

לערנן תורה אונ זי הט ניט זוכה גוועזן צו לערנן תורה מיט אנדערע. דס הייסט זי הט ניט קיין בריסט צו געבן זייגין. פרעגט די גמרא פר וואס רופט מען בבל. הט רבי יוחנן גזאגט בבל איז דר טייטש צו מישט ווייל אין די גמרא פון בבל איז אויס געמישט תורה נביאים כתובים משניות גמרא. עס שטייט אין פסוק ירמיה הנביא האט גזאגט אין דער פינסטער האט ער מיך גיזעצט אזוי ווי די אייביגע מתים. הט רבי ירמיה גזאגט דס מיינט מען די גמרא פון בבל. אין דער גמרא לערנט מען אזוי ווי אין דער פינסטער. מען קען ניט געפינען אריכטיגען דין:

ד ההוא. עס איז גיוועזן א שוחט וואס מען האט גיפונען אז ער פאר קויפט טרפה פלייש פאר כשרה האט רב נחמן אים מחרים גיוועזן אונ האט גזאגט אז ער טאר ניט זיין א שוחט. איז דער שוחט גיגאנגען אונ האט גילאזט וואקסען דיא האר אונ דיא נעגיל אונ ער הט גזאגט אז ער טוהט דאס ווייל ער טוהט תשובה. האט רב נחמן גיוואלט זאגן אז דער שוחט מעג שוין ווייטער שעכטין ווייל ער האט גיטאהן תשובה. האט רבא גזאגט צו רב נחמן טאמער איז דאס גאר פאלש. ער האט גילאזט וואקסען דיא האר מיט דיא נעגיל מען זאל מיינען אז ער טוהט תשובה. נאר וויא דען זאל ער טאהן אז מען זאל וויסען אז ער טוהט מיט אמת תשובה. ער זאל טאהן וויא רב אידי בר אבין האט גזאגט. דער מענטש וואס מען איז איהם חושד אז ער פאר קויפט טרפה פלייש פאר כשרה. גייט ער אנדערש ניט ארויס פון חשד סיידין ער זאל גיין אין אזוי א ארט וואס מען קען אים ניט. אונ אז ער געפינט א טייערע זאך גיט ער זיא אוועק צוא דעם וואס האט איר פאר לארין. אדער זיינע א טייערע בהמה איז טריפה גיווארין. אונ ער פאר קויפט זיא פאר א טרפה. זעהט מיר שוין אז ער איז פרום גיווארין אונ א מצוה איז ביי אים טייערער וויא געלט. וועט ער שוין נימן פר קויפען טרפה פלייש פר כשרות ער זאל מער פר דינען. מעג מען אים שוין לאזין שעכטין:

ה אמר. רב יהודה האט גזאגט אפאסטוך אפילו מען האט ניט גיזעהן ער זאל פיטערין זיינע בהמות אין פרעמדע פעלדער. פון דעסטוועגין איז ער פסול צו זיין א עדות: ווארום עס איז געווים אז זיינע בהמות פיטערין זיך אין פרעמדע פעלדער. אפילו מיר האבען ניט גיזעהן. אונ א גבאי וואס נעמט צו זאמען דיא פאדאטקעס פון מלך: איז כשר צו זיין א עדות. ווארום געווים נעמט ער ניט מער וויא ער דארף נעמען. סיידין מען ווייס אז ער נעמט מער. איז ער פסול צוא עדות:

אתא למתא והאידנא נכים אבא לפום ברא וברא לפום אבא (דף כו) ומגנזו כולי עלמא כי אתי אמר ליה ממאן ניבעי כי ניחא נפשיה א"ל שקולי תליסר מעי דציירי לי בסדינאי והדרו ליה לפלניא דשקלתינהו מיניה ולא איצטריכו לי :

ו רבי חייא בר זרנוקי ור' שמעון בן יהוצדק הוו קאזלי לעבר שנה בעסיא פגע בהו ריש לקיש איטפל בהדייהו אמר איזיל איחזי היכי עבדי עובדא חזייה להה גברא דקא כריב אמר להן כהן וחריש אמרו לו יכול לומר אגיסטון אני בתוכו . תו חזייה להה גברא דהוה כסח בכרמי אמר להו כהן וזמר אמר לו יכול לומר לעקל בית הבד אני צריך אמר להם הלב יודע אם לעקל אם לעקלקלות הי אמר להו ברישא איליכא הא קמייתא אמר להם ברישא הא נמי לימרון אגיסטון אני בתוכו אלא הא אמר להו הך מאי שנא כהן משום דחשידי אשביעית

זמדריך . דלא ליחזינהו ריש גלותא שהוא שר העיר ורוצה שרבים יושבי העיר וישאל ממון הרבה לכל שנה והוא היה מקיל עליהם המס ומדחה את שר העיר לאמר שיושבים מועטין ואין ממי לגבות : נכים אבא לפום ברא . ישחוט את האב לפני הבן כלומר יגבה מהן ממון : מגנזו . מתחבאים : כריב . חרים : ואמר להו . ריש לקיש : כהן הוא שחורש בשביעית דאמרינן לקמן נחשדו כהנים על השביעית : אגיסטון . שכיר וקרקע של נכרי הוא אי נמי משום אריסות שכרו בעל הבית לחרוש : כסח . זומר כרם : עקל . רשות"א ואריכא לבית הבד לקבוץ את פסולת הזיתים כשעוצרין אותן בקורה: הלב יודע . לבו יודע אם לעקל נתכוון או לעקלקלות לעבור על דת : נחשדו כהנים . להשהות שביעית אחר זמן הביעור דמותר בה סחורה משום דאיסתרו תרומה וקדשי קדשים לגבייהו ושביעית נמי קדושת

תוספות לעבר השנה בעסיא וא"ת היאך היו מעברים בעסיא הא עסי' ח"ל היא כדאמרינן פרק הזק' הכתים עסייא ואספמייא וכו' ויש לומר דלעבר ר"ל להשוב והכי משמע מדקאמר כהן וחריש משמע שביעי' היתה ואין מעברין השנה בשביעית כדאמרינן לעיל :

מהרש"א הר"י דא עקא וכו' מה שלא חשו הם על שקרא להן רשעים ולא חשו רק על שקרא להן רועי בקר אפשר שלא הגידו השומעים להן שקרא אותן רשעים ועי"ל דודאי הקפידו על ר"ל גם בזה אלא שאל ר"י הקפידו ג"כ למה מתחלה שקרא אותן רועי בקר לא א"ל ולא מידי עד לבסוף שקרא אותן רשעים שא"ל ר"י דא עקא וע"ז השיב להן ר"י ואי קרו לכו רועי נאן כו' ר"ל דע"ז אין לכם להקפיד דמלינו דמ"מ מקפחין **ומכנדזין** זה את זה בהאי ליסנא כדאמרינן פ"ק דיבמות דא"ל יונתן בן הרכינס לר"ע אתה עקיבא שמך הולך מסוף עולם עד סופו ועדיין לא הגעת לרועי בקר וא"ל אפילו לרועי נאן וק"ל :

ו רַבִּי חִיָּיא בַּר זַרְנוּקִי אוּנ רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יְהוֹצָדָק זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אִין עַסְיָא זַייא זָאלִין רָארְט מְעַבֵּר זַיין דֶעם יָאהר (מֶען זָאל מַאכֶען צְווֵייא מָאהל אָדָר) · אִין וֶועג הָאט זַייא גִיטְרָאפִין רֵיש לָקִישׁ אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען מִיט זֵיי · עֶר הָאט גְזָאגְט צוּ זַייא אִיךְ וֶועל מִיט גֵיין זֶעהן וִוי אַזוֹי אִיר זֶענְט מְעַבֵּר דֶעם יָאהר · דֶער וַוייל הָאט רֵיש לָקִישׁ גִיזֶעהן ווִיא אַמֶענְטְשׁ שְׁטֵייט אִין אַפֶעלְד אוּנ הַאקֶערְט · הָאט רֵיש לָקִישׁ גְזָאגְט צוּ רַבִּי חִיָּיא אוּנ רַבִּי שִׁמְעוֹן דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הַאקֶערְט אִיז אַכּהֵן (אוּנ דֶער יָאהר אִיז גִיוֶוען שְׁמִטָּה וָואס מֶען טָאר נִיט הַאקֶערִין אִין פֶעלְד) · הָאבֶען זַייא גְזָאגְט צוּ אִים דֶער מֶענְטְשׁ קֶען זָאגִין דִיא פֶעלְד אִיז אַגוֹיִשֶׁע אוּנ דֶער גוֹי הָאט מִיךְ גִידוּנְגֶען אִיךְ זָאל אִיר הַאקֶערִין אוּנ דָאס מֶעג מֶען · דֶער נָאךְ הָאט גִיזֶעהן רֵיש לָקִישׁ אַמֶענְטְשׁ שְׁטֵייט אִין אַוַויין גָארְטִין אוּנ עֶר שְׁנַיידְט אָפּ דִי גֶעדִיכְטֶע צְוַוייגֶן עֶס זָאל וֶוערִין שִׁיטְעֶרֶער וֶועט בֶּעסֶער וַואקְסֶען · הָאט רֵיש לָקִישׁ גְזָאגְט צוּ רַבִּי חִיָּיא אוּנ רַבִּי שִׁמְעוֹן דֶער מֶענְטְשׁ וָוס שְׁנַיידְט דִי צְוַוייגֶן אִיז אַכֹּהֵן (אוּנ אִין יָאהר פוּן שְׁמִטָּה טָאר מֶען נִיט אָפּ שְׁנַיידִין דִיא גֶעדִיכְטֶע צְוַוייגִין פוּ בּוֹים צוּ מַאכֶען שִׁיטֶערֶער) · הָאבֶען זֵיי גְזָאגְט צוּ אִים דֶער מֶענְטְשׁ קֶען זָאגִין אִיךְ שְׁנַייד נִיט דִיא צְוַוייגִין שִׁיטֶערֶער צוּ מַאכֶען דִי אִיבֶּערִיגֶע צְוַוייגִין · נָאר אִיךְ דַארְף דִי צְוַוייגִין לְעֶקֶל בֵּית הַבַּד · אַרוּם צוּ בִּינְדֶען מִיט זֵיי דִי אֵייְלבִּירְטֶען אוּים קְוֶועטְשִׁין · הָאט רֵיש לָקִישׁ צוּ זֵיי גְזָאגְט פַר אוּנְז קֶען עֶר טַאקִי אַזוֹי זָאגִין ; אָבֶער גָאט וַויים הַארְץ וֵוייס צוּ וָוס עֶר שְׁנַיידְט דִי צְוַוייגֶן אִם לְעֶקֶל אוֹ לַעֲקַלְקַלּוֹת ; אוֹיבּ אַרוּם צוּ בִּינְדֶען דִי אֵייְלבִּירְטֶען · אָדֶער צוּ פַר קְרִימֶען (צוּ טָאהן

אשביעית דתנן וכו' אמרו טרודא הוא דין כי מטו להתם סליקא לאיגרא שלפוה לדרגא מתותיה אתא לקמיה דרבי יוחנן א"ל בני אדם החשודין על השביעית כשרין לעבר שנה הדר אמר לא קשיא לי מידי דהוה אשלשה רועי בקר ורבנן אחושבנייהו סמיך הדר אמר לא דמי התם הדור אימנו רבנן ועברוה להוא שתא הכא קשר רשעים הוא וקשר רשעים אינו מן המנין א"ר יוחנן דא עקא כי אתו לקמיה דר' יוחנן אמרו ליה

אכן טוא : אמרו . ר' חייא בר ארמקי ור"ש עליס דרים לקים : טרודא הוא דין . קנהנן הוא זה ומטריה בדבריו : כי מטו התם . לעליה שמעברין בה שנה כדאמרינן בפרק קמא : החשודין על השביעית . שנעשו סנגוריס לרשעים : בלשה רועי בקר . בפרק כהן גדול (קאמר דעברוה רבנן לשתא על פי שלשה רועי בקר ובתר הכי קאמר דרבנן לאו ארועי בקר סמכו אלא אחושבנייהו) : קשר רשעים הוא . וכיאך אנו סומכין על מנין זה לעשות כדב יהסם ואפילו (אי עבוד) [אם הן עושין עיבור] כדין וכדת אין השנה מתעברת על ידיהם דבעינן נים דין (נאמנים) [נימנין] ואלו אינן (נאמנים) [מנין] : דא

אַ עבירה. די איבעריגע צווייגין זאלין ווערין שיטערער] ; פרעגט די גמרא וועלכע זאך האט ריש לקיש פריער דער ציילט. מיר זאלין זאגין אזוי וויא דא שטייט. פריער האט ער דער ציילט מיט דעם האקערין. דער נאך מיט די צווייגין. האבען זייא דאך אים אויף דיא צווייגין גיקענט ענפערין דעם זעלביגען תירוץ אזו וויא זייא האבין גיענפערט אויף דעם האקערין. ער קען זאגין דער בוים איז אגוישער אונ ער האט מיך גידונגען איך זאל שניידין דיא צווייגין. נאר פריער האט ער גזאגט דיא מעשה מיט די צווייגין. איז זיי נאך ניט איין גיפאלען אין דיא גידאנקין צו ענפערין אז ער קען זאגין אגוי האט מיך גידונגען. דריבער האבען זיי גיענפערט ער קען זאגין ער בארף דיא צווייגין צו בינדען מיט זיי איילבירטען. דער נאך האט ריש לקיש גזאגט די מעשה מיט דעם האקערין. איז זייא איצט איין גיפאלען דער תירוץ אז ער קען זאגין אגוי האט מיך גידונגען. פרעגט דיא גמרא פון וואנען האט ריש לקיש גיוואוסט אז דער מעטש איז א כהן. ענפערט דיא גמרא ווייל כהנים זענען גיווען אין חשד זיי זאלין ארבעטין אין דעם יאהר פון שמטה. האט רבי חייא אונ רבי שמעון גזאגט אויף ריש לקיש דער מענטש מוז זיין אקריגער (ער האט ליב צו פרעגין קשיות). אז זייא זענען גיקומען אין עסיא איז ריש לקיש ארויף גיגאנגען אויף דעם בוידים (וואו רבי חייא אונ רבי שמעון האבען נידארפט ארויף גיין מעבר צו זיין דעם יאהר). האבען זייא צו גענומען דעם לייטער. ער זאל ניט קענען אראפ גיין. אונ זייא זענין גיזעסין אונטען אונ האבין מעבר גיווען דעם יאהר. אונ זייא האבען ניט גיוואלט ריש לקיש זאל זיין מיט זייא. ער זאל זייא ניט פרעגין קשיות. אז רבי חייא אונ רבי שמעון זענען אוועק גיגאנגען האט מען צו גישטעלט דעם לייטער איז ריש לקיש אראפ גיגאנגען. אונ ער איז גיקומען פאר רבי יוחנן (מיט כעס). אונ ער האט גזאגט צוא רבי יוחנן מענטשין וואס זענען אין חשד אז זיי היטען ניט דיא דינים פון שמטה (ווייל רבי חייא אונ רבי שמעון האבען גזאגט ת ירוצים אויף דעם יוד וואס האט גיארבעט אום שמטה) מעגין מעבר זיין דעם יאהר. דער נאך האט ער גזאגט דאס איז ביי מיר ניט קיין קשיא. ווארום דריי פאסטוכער האבען אויך אמאהל גזאגט אז מען דארף מעבר זיין דעם יאהר: אונ דיא רבנן האבען זיך פאר לאזין אויף זייער רעכענונג אונ האבען מעבר גיווען דעם יאהר. איז דאך רבי חייא אונ רבי שמעון ניט ערגער וויא דיא פאסטוכער. דער נאך האט ער גזאגט עס איז ניט גלייך דער צוא. דארטין האבען דאך דיא פאסטוכער ניט מעבר גיווען דעם יאהר. זיי האבען נאר גזאגט מען דארף מעבר זיין דעם יאהר. אונ נאך זייערע רייד האבען דיא רבנן גיקלערט אין דער זאך אונ די א רבנן האבען מעבר גיווען דעם יאהר. אבער דא האבען דאך רבי חייא אונ רבי שמעון מעבר גיווען דעם יאהר. אונ זייא זענען אבאנדע מיט רשעים (וואס זיי זענין אין חשד ניט צו היטען דיא דינים פון שמטה). דריבער אפילו זייא האבען ריכטיג מעבר גיווען דעם יאהר. איז דאס אויך ניט קיין עיבור. ווארום אבאנדע רשעים זענען ניט קיין בית דין. האט רבי יוחנן גזאגט דאס איז שלעכט. אז דוא זאגסט זייא זענען רשעים. אז רבי חייא אונ רבי שמעון זענען גיקומען פאר רבי יוחנן האבען זייא גזאגט צו אים דוא האסט

ליה קרי לן רועי בקר (ולא מחית) ולא א"ל מר ולא מידי אמר להו ואי קרי לכו רועי צאן מאי אמרי ליה:

ז מאי קשר רשעים שבנא הוה דריש בתליסר רבוותא חזקיה ה"ה דריש בהד סר רבוותא כי אתא סנחריב וצר עלה דירושלים כתב שבנא פתקא שדא בגירא שבנא וסיעתו השלימו חזקיה וסיעתו לא השלימו שנא' (תהלים יא) כי הנה הרשעים ידרכון קשת כוננו חצם על יתר הוה קא מסתפי חזקיה אמר דלמא חס ושלום נטייה דעתיה דקב"ה בתר רובא כיון דרובא מימסרי אינהו נמי מימסרי בא נביא ואמר לו (ישעיה ח) לא תאמרון קשר לכל אשר יאמר העם הזה קשר כלומר קשר רשעים הוא וקשר רשעים אינו מן המנין הלך לחצוב לו קבר בקברי בית דוד בא נביא ואמר לו (שם כב) מה לך פה ומי לך פה כי חצבת לך פה קבר הנה ה' מטלטלך טלטלה גבר אמר רב טלטולא דגברא קשה מדאתתא . (שם) ועטך עטה א"ר יוסי בר' חנינא מלמד

עקה . שאתה קורא אותם רשעים : שבנא ממונה על ביתו של חזקיהו מלך יהודה : השלימו . לעובדך : ידרכון קשת כוננו חצם וגו'. על שם שע"י החץ הוא מבקש לסמית את אדוניו בלשון הרע הכתוב שם : לא תאמרון, אל תחשוב בדעתך חזקיהו שיהא מנינו של שבנא מנין לחשב רוב : בקברי בית דוד . שהיה מתגאה למרוד במלכות וליקבר כמותו בקבורת המלכים : צנוף יצנפך צנפה כדור . [כדור] יסובבך היילוה כדור כשורה להגלותך אל ארץ רחבת ידים שיפיה דקרא שמה תמות ושמה מרכבות כבודך קלון בית

גיהערט אז ריש לקיש רופט אונז אקבין פאסטוכער . אונ דוא האסט גאר ניט אן געשריבען אויף אים (אז ריש לקיש האט זייא גירופען רשעים אויך. האבען זייא ניט געוואוסט) . האט רבי יוחנן גזאגט צו זייא אונ אז ריש לקיש וואלט אייך רופען שעפסין פאסטוכער וואס וואלט איך אים גידארפט זאגין . איר זענט אומגירעכט . אז ריש לקיש האט אייך דער ציילט דיא צווייא זאכען פון דעם כהן . וואס איז גיוועזען אייער בעס אויף אים. אז איר הט אים דער ווייטערט פון אייך :

ז מאי . ווער זענען גיוועזען דיא באנדע רשעים . זאגט דיא גמרא ווען שבנא האט גזאגט אדרשה זענען געזעצן אים גישטאנען דרייצעהן גרויסע לייט איבער צו זאגין זיינע רייד פר דעם פיל פאלק וואס זענען דארטין גישטאנען צו הערין דיא דרשה. אונ ווען חזקיה האט גזאגט דרשה . זענען גיזעסן אים גישטאנען נאר עלף גרויסע לייט איבער צו זאגין זיינע רייד . ווייל דאס פאלק איז גיוועזען ווייניגער . ווען סנחריב איז גיקומען אונ האט בלעגערט אויף ירושלים האט שבנא געשריבען אקוויטול אונ האט אים ארויס גיווארפין מיט אפייל אויסער דיא שטאט ירושלים . שבנא מיט זיין קאמפאניע ווילען מאכען שלום מיט סנחריב ; חזקיה מיט זיין קאמפאניע ווילען ניט מאכען שלום מיט סנחריב . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די רשעים טוען טרעטין דעם בויגין . זייא ברייטען אן זייערע פיילין אויף דעם שטריק פון דעם בויגין (דאס מיינט מען שבנא וואס ער האט ארויס גיווארפען דאס קוויטול מיט דעם פייל צו סנחריב) . חזקיה האט מורא גיהאט אונ האט גזאגט טאמער חס ושלום איז גינייגט די דעה פון גאט צו דיא קאמפאניע וואס אין איר זענען דא מער מענטשין . ווייל דאס מערסטע מענטשין זענען איבער גיגעבין צו סנחריב . וועט זיין קאמפאניע אויך איבער גיגעבין ווערין צו סנחריב . איז גיקומען דער נביא אונ האט גזאגט צו חזקיהו איר זאלט ניט זאגין אבונד צו דיא מענטשין וואס דאס פאלק זאגט אבונד . דאס איז אבונד (אקאמפאניע) פון רשעים . אונ אקאמפאניע פון רשעים איז גאר ניט קיין צאהל מען זאל רעכענען זייא זענען מער . איז גיגאנגען שבנא אונ הט גיוואלט גראבין פאר זיך אקבר צווישען דיא קברים וואס דארטין ליגען דיא מלכים פון דורס משפחה. איז גיקומען דער נביא אונ האט גזאגט צו שבנא וואס טוהסטו דא . וויא קומסטו צו ליגען צווישען מלכים. אונ וועמען האסטו דא וואס דוא האסט דיר דא אוים גיהאקט אקבר . גאט וועט דיך פאר ווארפין אפאר ווארפונג פון אמאנס פערזאהן : רב זאגט אז אמאנס פערזאהן איז פר ווארפען אין אפרעמדין ארט . איז אים ערגער וויא אנקבה איז פאר ווארפען אין אפרעמדין ארט . ווארום אויף אנקבה האט מען מער רחמנות וויא אויף אמאנס פערזאהן . ועטך עטה . רבי יוסי

מלמד שפרחה בו צרעת כתיב הכא ועטך עטה וכתיב התם (ויקרא יג) ועל שפם יעטה. (ישעיה כב) צנוף יצנפך צנפה כדור אל ארץ רחבת ידים תנא הוא בקש לעשות גדולה לעצמו וקלון לבית אדוניו לפיכך נהפך כבודו לקלון כי הוה נפיק איהו אתא גבריאל אחדיה דשא באפיה משרייתיה (שם ע"ב) אמרו ליה משרייתך היכא א"ל מרדו ואהדרו בי אמרו ליה א"ב ארחוכי קא מחייכת בן נקבוהו בעקביו ותלאוהו בזנבי סוסיהם והיו מגררין אותו על הקוצים ועל הברקנים

אַדונִיך: כי הוה. שבנא נפיק עם סייעתו לגאת מירושלים ולהשלים עם סנחריב: משרייתך היכא. שכתבת לנו שבנא וסיעתו השלימו: סדרו בי. הוזר ממה שהבטיחוני: בעל הנאה. כמשמעו וי"א מבבב זכור: סוכנת. מחממתו והכירו ובוקע עניס יסכן בס:

כי השתות יהרסון וגו'. בתריה דכי הנה הרשעים ידרכון קשת כתיב: צדיק מה פעל. הקב"ה מה שכר הוא משלם ולקמן מפרש מאי משמע דשתות לשון סיעת צדיקים: אילו בהמ"ק יהרג. ע"י סנחריב בעצתו של שבנא: צדיק מה פעל. חיס נפלאותיו

א"ר אלעזר [אלעזר] שבנא בעל הנאה היה כתיב הכא (ישעיה כב) לך בא אל הסוכן וכתיב התם (מ"א א) ותהי לו סוכנת:

(תהלים יא) **ח כי** השתות יהרסון צדיק מה פעל. רב יהודה ורב עינא חד אמר אלו בית המקדש וחד אמר אלו חזקיה וסיעתו נהרסין צדיק מה פעל

בית

ברבי חנינא זאגט דער פסוק לערנט אונז אז אויף איהם האט געבליהט קרעץ. ווארום דא שטייט ועטך עטה. אונ ביי אקרעציגען שטייט ועל שפם יעטה אויף די לעפצין זאל ער זיין פאר וויקעלט. האט דער נביא גזאגט צו שבנא דו וועסט זיין פאר וויקעלט ווייל דו וועסט זיין קרעציג. אין פסוק שטייט צנוף יצנפך צנפה כדור אל ארץ רחבת ידים. ער וועט דיך ארומרינגלען מיט חיל אזוי וויא אקייל־אבריגע זאך אונ ער וועט דיך פאר טרייבען אין אלאנד וואס דארט איז אברייטער פלאץ. דארט וועסטו שטארבען. מיר האבען גילערנט שבנא האט געוואלט ער זאל האבען גרויסקייט. אונ זיין בעל הבית חזקיה זאל האבען שאנד. דריבער איז געווארין פאר קערט חזקיה איז גרויס געווארין אונ שבנא איז געווארין צו שאנד: ווען שבנא מיט זיינע מענטשין זענען ארויס גינאנגען פון ירושלים צו מאכען שלום מיט סנחריב. איז פריער ארויס גינאנגען פון טויער שבנא. ווי דיא מענטשין זיינע האבען אויך גיוואלט ארויס גיין. איז גיקומען דער מלאך גבריאל אונ הט פר שלאסען דעם טויער פון ירושלים אונ הט זייא ניט גילאזט ארויס גיין. האט סנחריב גזאגט צו שבנא דו האסט געשריבען אקוויטול אז דוא מיט דיינע מענטשין ווילען מאכען שלום מיט מיר. וואו זענען דיינע מענטשין. האט שבנא גזאגט מיינע מענטשין האבען חרטה גיהאט. האט סנחריב צו איהם גזאגט דו האסט גילאכט פון אונז. עס איז גאר ליגען דו האסט גאר ניט גיהאט קיין מענטשין צו דיר. הט מען איהם גילעכערט די פאדעשוועס פון די פיס אונ מען האט אריין גיצויגען אשטריק אונ מען האט אן גיבונדען דעם שטריק אן דעם ווידיל פון אפערד אונ דער פערד הט איהם גישלעפט אויף דערנער ביז זיין לייב איז צו ריסען געווארין. רבי אליעזר זאגט שבנא הט גיהאט אגרויסע תאוה צו ווייבער. ווארום דא שטייט גאט האט גזאגט צום נביא גיי אונ קום צום סוכן [צו שבנא]. אונ דארט שטייט ביי אבישג ותהי לו סוכנת זי איז גיוועזען צו דוד אדער ווארעמערין. זיא פלעגט שלאפין מיט דוד זיא זאל איהם דער ווארעמען. זעהן מיר אז דער ווארט סוכנת ווערט גזאגט אויף דיא אשה וואס שלאפט מיט אמאן: אזוי האט מען גירופען שבנא סוכן ווייל ער האט ליב גיהאט מזנה צוא זיין מיט ווייבער:

ח כי השתות יהרסון צדיק מה פעל. אין דעם פסוק קריגט רב יהודה אונ רב עינא. איינער זאגט אזוי מיינט דער פסוק ווען חזקיה מיט זיינע מענטשין וואלטין צו פירט גיווארין. וואס וואלט גיוועזען דער שכר וואס גאט וואלט גיגעבין צו חזקיה פר זיין פרומקייט (טייטשט ער דעם ווארט השתות אקאמפאניע צדיקים). אונ איינער זאגט אזוי מיינט דער פסוק ווען סנחריב וואלט חרוב גימאכט דעם בית המקדש. וואו וואלט מען גיזעהן די וואונדער פון גאט (טייטשט ער דעם ווארט

בית המקדש יהרס צדיק מה פעל ועולא אמר אלו מחשבותיו של אותו רשע אינם נהרסות צדיק מה פעל בשלמא למ"ד אלו מחשבותיו של אותו רשע היינו דכתיב כי השתות יהרסון (במשמעו שנאמר (ש"ב כא) וישם דוד את הדברים האלה אל לבו) ולמ"ד בהמ"ק נמי דתנן אבן היתה שם מימות נביאים הראשונים ושתיה היתה נקראת אלא למ"ד חזקיה וסיעתו היכא אשכחן צדיקי דאיקרו שתות דכתיב (שם ב) כי לה' מצוקי ארץ וישת עליהם תבל ואבע"א מהכא (ישעיה כח) הפליא עצה הגדיל תושיה א"ר חנין למה נקרא שמה תושיה מפני שמתשת כחו של אדם דבר אחר תושיה שנתנה בחשאי מפני השטן דבר אחר תושיה דברים של תוהו שהעולם מושתת עליהם:

ט אמר עולא מחשבה מועלת אפילו לד"ת שנאמר (איוב ה) מפר מחשבות ערומים ולא תעשנה ידיהם

נפלאותיו של הקב"ה: אלו מחשבות. של שבנא הרשע אין נהרסות והכי משמע קרא כי השתות יהרסון מחשבותיו של אותו הרשע הכתוב למעלה כי הנה הרשעים ידרכון קשת ולכך שתות מחשבות שהוא מפיה בקירות לבו יהרסון ראויות הן ליהרס שאם לא כן צדיק מה פעל מה פעלו של חזקיהו ויקן שכרו כי השתות לי ולא שת לבו גם לזאת: אבן היתה שם. תחת הארון: ושתיה היתה נקראת. שממנה נשתת העולם שנאמר ד"ר ויקרא ארץ ואמר מציון מכלל יופי וגו' במסכת יומא עולם מציון נברא: תושיה. על שם שהעולם מושתת על התורה ולומדיה נקראת תושיה: מפני השטן. שהיה מקטרג ואמר תסתפק לעליונים ולא ימסרו הלוחות ביד משה: דברים של תוהו. דיבור וקריאה בעלמא וכל דבור אין בו גשמה ממש כתוהו הזה ואעפ"כ עולם מושתת עליהם ונוטריקון הוא תיו תוהו שיה מושתת:

מחשבה. דאגת הלב על מזונותיו של אדם: מועלת. מהני לשכח ממנו תלמודו: מפר מחשבות ערומים. נותן להם מזונות ומבטל מחשבות מלבם שלא היו מניחים אותם לעשות תושיה לשון אחר מחשבה

השתות דער בית המקדש). עולא זאגט אזוי מיינט דער פסוק ווען די טראכטונג פון דעם רשע שבנא וואלטין ניט צו פירטיגעווארין. וואס וואלט דער צדיק חזקיה גיטאהן (טייטשט עולא דעם ווארט השתות גידאנקין). זאגט די גמרא דער וואס זאגט אז דער פסוק מיינט די טראכטונג פון דעם רשע שבנא איז צו פירט געווארין. איז רעכט. ווארום עס שטייט אין פסוק כי השתות יהרסון. און שתות איז דער טייטש טאהן. די גידאנקין וואס שבנא האט גיטאהן אין זיין הארצין זענען צו פירט געווארין און דער וואס זאגט אז שתות מיינט מען דעם בית המקדש. איז אויך רעכט. ווארום מיר האבען גילערנט אין דעם בית המקדש אונטער דעם ארון איז גילעגין א שטיין פון דער צייט וואס די ערשטע נביאים זענען נאך גיוועזן. דעם שטיין האט מען גירופען שתיה. דורך דעם שטיין ווערט דער גאנצער בית המקדש גירופען שתיה; אדער שתות. אבער דער וואס זאגט אז שתות מיינט מען חזקיה מיט זיינע מענטשין. וואו געפינען מיר אז צדיקים ווערין גירופען שתות. ענטפערט די גמרא עס שטייט אין פסוק צו גאט זענען די שטארקע פון דער וועלט (דאס מיינט מען די צדיקים) וישת עליהם תבל. און אויף זייא האט ער געטאהן דיא וועלט. שטייט דאך ביי צדיקים דער ווארט וישת. איז דאס די זעלביגע ווי השתות. און אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגן פון דעם פסוק הפליא עצה הגדיל תושיה. גאט האט געטאהן וואונדערליכע עצות ער האט גרויס געמאכט די תורה. רבי חנין האט געזאגט פאר וואס רופט מען די תורה תושיה. ווייל זי מאכט שוואך דעם כח פון דעם מענטש וואס לערנט איר. אדער דריבער רופט מען די תורה תושיה. ווייל זיא איז געגעבין געווארין אין דער שטיל. ווייל דער שטן האט מקטרג געוועזן מען זאל ניט געבין די תורה צו די יודין. אדער דריבער רופט מען די תורה תושיה. ווייל די תורה איז דאך נאר רייד. און דיא רייד איז דאך נאר אווינט וואס עס גייט ארויס פון מויל. און אויף דעם ווינט העולם משותת. שטייט דער פונדאמענט פון דער וועלט. דיא וועלט איז נאר בשאפען געווארין דיא תורה זאל געלערנט ווערין; און דיא צדיקים וואס לערנען תורה זענען זייא דער פונדאמענט פון דער וועלט; דאס ווערט גירופען השתות דיא פונדאמענטין. זאגט דער פסוק כי השתות יהרסון. אז די צדיקים חזקיה מיט זיינע מענטשין וואס זייא זענען דיא פונדאמענטין פון דער וועלט; זאלין צוא פירט גיהרגעט ווערין דורך סנחריב; צדיק מה פעל; וואס האט גאט גיטאהן. וואס פאר א שכר האט ער בצאהלט צו דיא גרויסע צדיקים:

ט אמר. עולא האט געזאגט דיא זארג פון מענטשין וואס ער זארגט אויף זיין פרנסה.

ידיהם תושיה אמר רבה אם עסוקים לשמה אינה מועלת שנא׳ (משלי יט) רבות מחשבות בלב איש ועצת ה׳ היא תקום עצה שיש בה דבר ה׳ היא תקום לעולם:

שאדם מחשב כך וכך לעשה כך וכך תעלה בידו מועלת להפבית הדבר ועוקר שאין מחשבתו מתקיים אפילו לד״ת כגון שאומר עד יום פלוני אסיים כך וכך מסכתות בגרסא: מפר מחשבות ערומים. שאין מחשבתו עולה בידו ואפי׳ לתוסים: כשאוחזין מעשה אבותיהם בידיהם. ונפרעין מהם

(דף כז ע״ב) י **לא** יומתו אבות על בנים (דברי׳ כד) מה ת״ל אם ללמד שלא יומתו אבות בעון בנים ובנים בעון **אבות** הרי כבר נאמר (שם) איש בחטאו יומתו אלא לא יומתו אבות על בנים על עדות **בנים** ובנים לא יומתו על אבות בעדות אבות ובנים בעון אבות לא והכתיב (שמות לד) פוקד עון אבות על בנים התם כשאוחזין מעשה אבותיהם בידיהם כדתניא (ויקרא כו) **ואף** בעונות אבותם אתם ימקו כשאוחזין מעשה אבותיהם בידיהם אתה אומר כשאוחזין **או** אינו אלא כשאין אוחזין כשהוא אומר (דברים כד) איש בחטאו יומתו הרי כשאוחזין **מעשה** אבותיהם בידיהם וכשאין אוחזין לא והכתיב (ויקרא כו) וכשלו

דאס מאכט פאר געסין פון אים אלע זיינע זאכין. אפילו דאס לערנען וואס ער האט גילערונט פאר געסט ער אויך. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מפר מחשבות ערומים ולא תעשנה ידיהם תושיה. דיא זארג וואס דיא קלוגע מענטשין האבען גיהאט וואו זייא וועלין נעמען עסין. דריבער האבין זייא ניט גילערונט. האט גאט פאר שטערט זייערע זארג. ער האט זייא גינעבין זייערע שפייז. רבה זאגט דיא תורה וואס מען לערונט פון גאטס וועגין פאר געסט מען ניט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פיל טראכטונג זענען דא ביא דעם מענטשין אין הארץ. אונ דיא עצה פון גאט זיא בלייבט שטיין. דיא עצה וואס אין איר איז דא דיא רייד פון גאט. זיא וועט בלייבין שטיין אויף אייביג נאנדערע זאגין אזוי האט עולא גזאגט. וואס אמענטש טראכט ביא זיך אזוי אונ אזוי וועל איך טאהן. אונ אזוי אונ אזוי וועט זיך דאס גישעפט אויספירען. דורך זיין טראכטין ווערט דאס גישעפט ניט אויס געפירט. אונ אפילו צום לערנען איז אויך אזוי. אז אייגער זאגט צו דעם טאג וועל איך אויס לערנען דיא מסכת. מאכט זיך אים אזעלכע סבות ער זאל ניט קענען אויס לערנען דיא מסכת צו דעם טאג:

י לא. אין פסוק שטייט דיא עלטערין זאלין ניט שטארבין דורך דיא קינדער. וואס מיינט דער פסוק. אויב דער פסוק וויל אונז לערנען אז דיא עלטערין שטארבין ניט דורך דיא קינדערס זינד. אונ דיא קינדער שטארבין ניט דורך דיא עלטערינס זינד. דאס שטייט דאך שוין. יעדער מענטש שטארבט נאר פאר זיינע זינד. נאר אזוי מיינט מען דיא עלטערין זאלין ניט שטארבין דורך דיא קינדער. דורך דיא עדות פון דיא קינדער. אויב אזוהן זאגט עדות אויף זיין פאטער אז ער האט גיטאהן אעבירה וואס מען דארף אים הרגנן. הרגת מען ניט דעם פאטער דורך דיא עדות פון דעם זוהן. אונ דיא קינדער זאלין ניט שטארבין דורך דיא עלטערין. דורך דיא עדות פון דיא עלטערין. אויב אפאטער זאגט עדות אויף זיין זוהן אז ער האט גיטאהן אעבירה וואס מען דארף אים הרגנן. הרגת מען ניט דעם זוהן דורך דיא עדות פון דעם פאטער. פרעגט דיא גמרא אונ קינדער שטארבין ניט דורך דיא זינד פון זייער פאטער. עס שטייט דאך אין פסוק פוקד עון אבות על בנים. גאט גידיינקט דיא זינד פון דיא עלטערין אויף דיא קינדער. ענפערט דיא גמרא דאס איז נאר אז דיא קינדער טוהען דיא זעלביגע זינד וואס דער פאטער טוהט. וועיל זייא ווערין גישטראפט אויף זייערע אייגענע זינד ווערין זייא גישטראפט אויף זייער פאטערס זינד אויך. אבער אז דיא קינדער אליין האבען ניט קיין זינד ווערין זייא ניט גישטראפט אויף זייער פאטערס זינד. אזוי וויא מיר האבין גילערונט עס שטייט אין פסוק מיט דיא זינד פון זייערע עלטערין מיט זייא וועלין זייא צו גיין. דאס מיינט מען אז זייא טוהען דיא זינד וואס זייערע עלטערין האבין גיטאהן. שטראפט מען זייא פאר ביידע ערליי זינד. פרעגט דיא גמרא דו זאגסט נאר אז זייא טוהען דיא זינד פון זייערע עלטערין ווערין זייא גישטראפט

וכשלו איש באחיו איש בעון אחיו מלמד שכולם ערבים זה לזה התם שהיה בידם למחות ולא מיחו : (דף כט) **יא מאיימין** על העדים היכי אמרינן להו א"ר יהודה הכי אמרינן להו (משלי כה) נשיאים ורוח וגשם אין איש מתהלל במתת שקר אמר רבא יכלי למימר שב שני הוה כפנא ואבבא דאומנא לא חליף אלא אמר רבא אמרינן להו (שם) מפיץ וחרב וחץ שנון איש עונה ברעהו עד שקר אמר רב אשי יכלי למימר שב שני הוה מותנא ואינשי בלא שני לא שכיב אלא אמר רב אשי אמר לי נתן בר מר זוטרא אמרי להו סהדי שקרא אאוגרייהו זילי דכתיב (מ"א כא) והושיבו שנים אנשים בני בליעל נגדו ויעידוהו

פירוש

עונש ועון אבותיהם : איש באחיו . איש בשביל אחיו :

היכי מאיימינן להו. לעדים כשמאיימין עליהם: נשיאים ורוח וגשם וגו'. בשביל מתהלל בשקר דברים מפני שקר גשמים נעצרים ואפילו כשהעננים מתקשרים בעבים ורוח להוריד גשמים אין הגשם בא : אמר רבא . מה איכפת להו אם לא ירדו גשמים אמרי בלבם אבל בריוח : שב שני הוה כפנא ואבבא דאומנא לא חליף . על פתח מי שהוא אומנות ובעל מלאכה לא עבר הרעב : מפיץ וחרב וגו' איש עונה וגו' . בעון מעיד שקר דבר בא ומפילהו בלא ימותו : אאוגרייהו זילי . כשוכרים אותם מזולזלים בעיניהם : והושיבו שני אנשים בני בליעל . גבי נבות כירושלמי מפרש שיושבי כמלך היו יושבין לבורכן והיו קורין אותם

פאר זייערע עלטערן אויך . טאמער אפילו זייא האבין ניט געמאכט דיא זינד פון זייערע עלטערן ווערין זייא אויך געשטראפט פאר זייערע עלטערן . ענטפערט דיא גמרא אז עס שטייט אין פסוק יעדער מענטש שטארבט פאר זיינע זינד . ניט פאר פרעמדע זינד , מוזן מיר זאגן אז אזוי מיינט דער פסוק . אז דיא קינדער טוהען דיא עבירות וואס דיא עלטערן טוהען . ווערין זייא געשטראפט פאר ביידע , עלטערן עבירות . אונ אז דיא קינדער האבין ניט קיין עבירות ווערין זייא ניט געשטראפט פאר זייערע עלטערן . פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק עס וועלין געשטרויכלט ווערין איין מענטש אן זיין ברודער . דאס מיינט מען איין מענטש וועט געשטראפט ווערין פאר דיא זינד פון זיין ברודער . דער פסוק לערינט אונז אז אלע אידען זענען ערב איינער פאר דעם אנדערין , ער זאל ניט מאכען קיין עבירות . ענטפערט דיא גמרא דארט שטעהט אז ער האט געקענט ווערין דעם חבר , ער זאל ניט מאכען קיין עבירה . אונ ער האט איהם ניט געווערט . דעריבער ווערט ער געשטראפט פאר זיין חבר . אבער אויף דיא עבירות וואס דער חבר האט געמאכט אונ ער ווייסט ניט . אדער ער האט ניט געקענט ווערין . ווערט ער ניט געשטראפט :

יא מאיימין . אז מען מאכט אמורא אויף דיא עדות . וויא זאגט מען צו זייא . האט רב יהודה געזאגט אזוי זאגט מען צו זייא . וואלקענס אונ ווינט . אונ רעגן איז נישטא ואפילו דער הימעל איז פאר וואלקענט אונ עס איז דא ווינט אויך . פון דעסטוועגין קומט ניט קיין רעגין . דורך דעם מענטשין וואס זאגט פאלשקייט . דורך פאלשע עדות ווערט דיא וועלט געשטראפט אז עס קומט ניט קיין רעגין . אונ עס ווערט אהונגער אויף דער וועלט : האט רבא געזאגט פאר דיא ווערטער וועלין דיא עדות ניט דער שראקען ווערין : ווארום זייא וועלין זאגין דעם וועלטליכען משל . זיבען יאהר איז אמאהל געווען אהונגער אונ ביי דיא טיר פון בעל מלאכה איז דער הונגער ניט פאר ביי געגאנגען . מיר וועלין ווערין בעלי מלאכות וועלין מיר ניט האבען הונגער : האט רבא געזאגט נאר אזוי זאל מען זאגין צו דיא עדות . מפיץ וחרב וחץ שנון איש עונה ברעהו עד שקר . דער וואס זאגט אויף זיין חבר פאלשע עדות קומט אויף איהם דער מלאך המות אונ ער הרג'עט איהם מיט זיין שווערד . האט רב אשי געזאגט פאר דיא ווערטער וועלין אויך דיא עדות ניט דער שראקען ווערין . ווארום זייא וועלין זאגין אמאהל איז געווען זיבען יאהר אגאלערע . פון דעסטוועגין איז קיין מענטש ניט געשטארבען פאר דער צייט . האט רב אשי געזאגט נתן בר מר זוטרא האט געזאגט מען זאגט צו דיא עדות איר זאלט וויסען אז אפילו די מענטשען וואס האבען אייך געדונגען איר זאלט זאגין פאלשע עדות . זייא אליין האלטען אייך אויך פאר שלעכטע אונ פאלשע מענטשען . אונ אין הארצין האבען זייא אייך פיינט , אזוי ווי עס שטייט

ויעידוהו לאמר ברכת אלהים ומלך:

יב א"ר שמואל בר נחמן א"ר יונתן כניין שאין טוענין למסית מנחש הקדמוני דאמר ר' שמלאי הרבה טענות היה לו לנחש לטעון ולא טען ומפני מה לא טען לו הקב"ה לפי שלא טען הוא מאי הוה ליה למימר דברי הרב ודברי התלמיד דברי מי שומעין דברי הרב שומעין אמר חזקיה מנין שכל המוסיף גורע שנאמר (בראשית ג) כי אמר אלהים לא תאכלו ממנו ולא תגעו בו רב משרשיא אמר כהכא (שמות כה) אמתים וחצי ארכו רב אשי אמר (שם כו) עשתי עשרה יריעות:

הרי

בני בליעל:
שאין טוענין למסית. המסית חבירו לעבוד ע"ז אין טוענין אותו ב"ד בשבילו טענות זכות אלא א"כ טוען הוא: לפי שלא טען. הנחש לא טען הקב"ה בשבילו: ולא תגעו בו. והקב"ה לא הזהירם על הנגיעה וההוספת גרעון שדחף הנחש את חוה על האילן עד שנגעה בו אמר לה ראו שאין מיתה על הנגיעה אף על אכילה: לא תמותו: אמתים. דל אל"ף מהכא קרי ביה מאתים הוי שתי מאות אמה כל אותיות ש בתורה (הבהנתה) [הכרתה] ככתיבתה כמו ועשית ואמרת כאילו כתיב ה' וכן אתם חסר כמו אותם מלא: עשתי עשרה. דל

אין פסוק איזבל האט געשיקט צו די מענטשין פון יזרעאל איר זאלט זעצין צוויא שלעכטע מענטשין געגין נבות אונ זייא זאלין זאגין עדות זאגין אויף נבות. אונ זאלין זאגין צו אים דוא האסט געלעכטערט גאט אונ דעם קעניג. זעהן מיר אז איזבל אליין וואס זיא האט געוואלט זיי זאלין זאגין פאלשע עדות. הט זיא זייא גירופען שלעכטע מענטשין:

יב אמר. רבי שמואל בר נחמן האט גזאגט פון רבי יונתן וועגין אז איינער רעט אן זיין חבר ער זאל דינען עבודה זרה. אונ מען נעמט דעם אן ריידער צו בית דין. מען זאל אים הרגנן. פון וואנען ווייסען מיר אז בית דין טאר ניט טענ'ען פון זיינעט וועגין אים גירעכט צו מאכען. נאר סיידין ער אליין ווייזט אז ער איז גירעכט. דאס ווייסען מיר פון דעם ערשטין שלאנג וואס ער האט אן גירעט חוהן זיא זאל עסין פון עץ הדעת. ווארום רבי שמלאי האט גזאגט פיל טענות האט גיהאט דער שלאנג צו טענ'ן ער זאל פטור ווערין פון די קללות אונ ער האט ניט גיטענת. ווייל ער האט ניט גיוואוסט וואס צו טענ'ן. אונ פאר וואס האט גאט ניט גיטענת פון זיינעט וועגין. ווייל ער האט ניט גיטענת פאר זיך. האט גאט ניט גיוואלט טענ'ן פון זיינעט וועגין. וואס האט דען דער שלאנג גיקענט טענ'ן. אז דער רבי זאגט אזוי. אונ דער תלמיד זאגט פאר קערט וויא דער רבי. וועמעס רייד פאלגט מען. געוויס פאלגט מען די רייד פון דעם רבי. אז גאט האט גזאגט מען זאל ניט עסין דעם עץ הדעת. אונ איך האב גזאגט מען זאל יא עסין דעם עץ הדעת. וועמען האט חוה גידארפט פאלגין. געוויס הט זיא ניט גידארפט עסין. חזקיה זאגט פון וואנען ווייסען מיר אז איינער מערט אויף די רייד פון גאט. מינערט ער. אונ ער טוהט נאך אעבירה. ווארום עס שטייט אין פסוק חוה האט גזאגט צום שלאנג גאט האט גזאגט איר זאלט ניט עסין פון עץ הדעת אונ איר זאלט אים ניט אן רירען. וואס האט דער שלאנג גיטאהן. ער האט אשטויס גיטאהן חוהן אויף דעם עץ הדעת אונ זיא האט אים אן גערירט. האט דער שלאנג צו איר גזאגט אזו וויא דוא ביסט ניט גישטארבין פון אן רירען אזוי וועסטו ניט שטארבין פון עסין. האט זיא גיפאלגט דעם שלאנג אונ הט גיגעסן. אונ אין אמת האט גאט גאר ניט גזאגט מען זאל דעם עץ הדעת ניט אן רירען. אונ ווען זי וואלט אויך ניט זאגין פון אן רירען. וואלט דאך איר דער שלאנג ניט גיהאט וואס צו ווייזין אז מען מעג עסין. אונ זיא וואלט ניט גיגעסין. אונ ווייל זיא האט גזאגט פון גאטס וועגין אנייע עבירה וואס גאט האט ניט גזאגט. איז זיא גיקומען דער צו זיא זאל טאהן אאכטע עבירה. רב משרשיא זאגט פון דעם פסוק ווייסען מיר אז מען מערט מינערט מען. ווארום גאט האט גזאגט צו משה די לייננג פון ארון זאל זיין. אמתים וחצי. צוויי איילין אונ אהאלב אייל. אונ אז דער אל"ף פון אמתים וואלט ניט גישטאנען. עס וואלט נאר גישטאנען מתים וחצי. וואלט מען טייטשען צוויי הונדערט מיט אהאלב אייל. זעהן מיר אז מתים אן אאל"ף איז דער טייטש צוויי הונדערט. אמתים מיט אאל"ף איז דער טייטש צוויי. רב אשי זאגט פון דעם פסוק ווייסן

ע"ן מהכא הוו נהו שתי עשרה : שהניח לו אביו . ולא אמר לו ה כן הם : בעל החלומות . שר המראה החלומות בלילה : כך וכך הם . מגיד לו כמה יש : ולא מורידין . ויכול להוציאן במקומן :
משתקיד. מצפה ומהדר ופוקד לסמכו : דין ידע . זה יודע וכו' יוסי בר חנינא היה : שמודה ר' יהושע לר' נתן . דהי היכי דלא בעי ר' יהושע כתיה כי הדדי הגדה נמי כי הדדי לא בעי :

(דף ל) **יג הרי** שהיה מצטער על מעות (מעשר שני) שהניח לו אביו ובא בעל החלום וא"ל כך וכך הם במקום פלוני הן של מעשר שני הן זה היה מעשה ואמר דברי הלומות לא מעלין ולא מורידין:

יד תניא ר' נחמיה אומר כך היה מנהגן של נקיי הדעת בירושלים מכניסין לבעלי דינין ושומעין דבריהם ומכניסין העדים ושומעין דבריהם ומוציאין אותם לחוץ ונושאין ונותנין בדבר :

(שם ע"ב) **טו רבי** שמעון בן אליקים הוה משתקיד עליה דר' יוסי בר חנינא למסמכיה ולא קמסתייעא מילתא יומא חד הוה יתיב קמיה דר' יוחנן אמר להו מי איכא דידע הלכה כר' יהושע בן קרחה או לא א"ל ר"ש בן אליקים דין ידע א"ל לימא איזי א"ל לים מכיה מר ברישא סמכיה א"ל בני אמור לי כיצד שמעת א"ל כך שמעתי שמודה ר' יהושע בן קרחה לר' נתן אמר לזה הוצרכתי השתא ומה עיקר ראיה

מיר אז מען מערט מינערט מען . אין פסוק שטייט עשתי עשרה יריעות . עקף יריעות . ווען עס וואלט געשטאנען שתי עשרה יריעות . אן אעי"ן . וואלט געווען דער טייטש צוועלף יריעות . אונ אז עס שטייט עשתי עשרה . מיט אעי"ן איז דער טייטש עקף:

יג הרי . איינער האט אמאהל געהאט צער . זיין פאטער איז געשטארבין אונ ער האט געלאזין געלט . אונ ער האט ניט געקענט געפינען וואו דאס געלט ליגט . איז מען געקומען צו אים אין חלום אונ מען האט געזאגט צו אים אזוי פיל געלט האט דיין פאטער געלאזין . אונ זייא ליגען אויף דעם ארט . אונ דאס געלט איז געטאהשט געווארין אויף פירות פון מעשר שני . בארפסטו דיא געלט פירען אין ירושלים אונ פר זייא קויפען עסינווארג אונ עסין אין ירושלים . אזוי האט אמאהל געטראפען אונ ער האט געפונען אלץ ריכטיג וויא מען האט אים געזאגט אין חלום . איז ער געקומען פרעגין ביי די חכמים וואס ער זאל טאהן מיט דעם געלט . האבען דיא חכמים צו אים געזאגט די רייד פון די חלומות פר בעסערין ניט אונ פר ערגערין ניט . אונ דו מעגסט אויס געבין דס געלט אין דער היים אויף וואס דוא ווילסט אונ דארפסט זייא ניט פירען אין ירושלים :

יד תניא . מיר האבען געלערנט רבי נחמיה זאגט אזוי איז געווען דער פירונג פון דיא פרומע דיינים וואס אין ירושלים . אז עס פלעגט קומען פאר זיי א דין תורה פלעגין זייא פריער ארייין רופען די מענטשין ווס האבען דיא דין תורה . הערין זייערע טענות . דער נאך פלעגין זייא אריין רופען די עדות . הערין ווס זיי זאגין . דער נאך פלעגין אלע ארויס גיין פון שטוב . אונ די דיינים האבען געקלערט ווער עס איז גירעכט :

טו רבי שמעון בן אליקים האט זייער שטארק געוואלט מאכען רבי יוסי בר חנינא פר ארבי : אונ עס האט ניט געקענט ווערין . אמאהל איז רבי שמעון געזעסין פאר רבי יוחנן . הט רבי יוחנן געזאגט צו דיא רבנן וואס זענין געזעסין פאר אים . אויב עס איז דא צווישען איך איינער וואס ווייס אויב דער דין איז וויא רבי יהושע בן קרחה אדער ניין . זאל ער זאגין . האט רבי שמעון בן אליקים געזאגט אויף רבי יוסי בר חנינא : דער ווייס . האט רבי יוחנן געזאגט זאל ער זאגין : האט רבי שמעון געזאגט צו רבי יוחנן מאך אים פריער פר ארבי : דער נאך וועט ער זאגין : האט רבי יוחנן אים גימאכט פאר ארבי . דער נאך האט רבי יוחנן געזאגט צו רבי יוסי מיין זוהן זאג מיר וויא האסטו געהערט . האט רבי יוסי געזאגט אזוי האב איך געהערט אז רבי יהושע בן קרחה איז מודה צו רבי נתן . הט רבי יוחנן געזאגט צו רבי יוסי צו דעם האב איך דיך גידארפט . דאס האב איך דאך אליין געוואוסט . מאדאך רבי יהושע בן קרחה האט געזאגט מען דארף ניט

ראיה בהרי הדדי א"ר יהושע בן קרחה לא בעינן הגדה מבעיא א"ל הואיל ועלית לא תרד א"ר זירא ש"מ גברא רבה כיון (דסמיך) [דאסתמיך] סמיך :

(דף לא) **טז ת"ר** מנין לכשיצא שלא יאמר אני מזכה וחבירי מחייבין אבל מה אעשה שחבירי רבו עלי ת"ל (ויקרא יט) לא תלך רכיל בעמיך ואומר (משלי יא) הויך רכיל מגלה סוד :

יז ההוא תלמידא (דאפיק) [דנפיק עליה קלא דגלי] מלתא דאיתמר בי מדרשא דרבי אמי בתר עשרין והרתין שנין ואפקיה ר' אמי מבי מדרשא ואכריז עליה דין גלי רזיא הוא :

(שם ע"ב) **יח שלחו** ליה למר עוקבא לדזיו ליה כבר בתיה שלם עוקבן הבבלי קבל קדמנא ירמיה אחי העביר עלי את הדרך ואמרו לו השיאוהו ויראה פנינו בטבריא [הא גופא קשיא אמרת אמרו לו אלמא דיינוהו אתון. השיאוהו ויראה פנינו בטבריא

בתר כ"ב שנין דאיתמר בי מדרשא אפקיה שהוא תלמידא ודבר לשון הרע היה :

מר עוקבא אב בית דין הוה במסכת שבת בשמה בהמה : לדזיו ליה כבר בתיה. כמשה שהוא בן בתיה למי שמקרין עור פניו כמרע"ה שגידלתו בתיה בת פרעה ל"א כבר בתיה כמשה שהוא בן בית דכתיב בכל ביתי נאמן הוא לדזיו ליה על שם שהיה חכם וכתיב חכמת אדם תאיר פניו ומצאתי בספר אגדה שהיה מר עוקבא בעל תשובה (וכתן) [ונתן] עיניו באשה אחת ועלה לבו טינא ונפל בחולי ואשת איש היתה לימים הוצרכה ללות ממנו ומתוך דוחקה נתרצית לו וכבש יצרו ופטרה לשלום ונתרפא וכשהיה יוצא לשוק היה נר דולק בראשו מן השמים ועל שם כך קרו ליה ר' נתן צוציתא במסכת שבת הכא נמי להכי כתבו ליה הכי על שם האור שהיה זורח עליו : עוקבן הבבלי קבל קדמנא. צועק לפנינו : ירמיה אחי העביר עלי את הדרך. איבד ממני דרך בני אדם שהירכו כך במעתי .

וי"א העביר עלי את הדרך לא נהג עמי כשורה ועל עסקי ממון היה צועק : אמרו לו. לירמיה להתפייס עמו : השיאוהו ויראה פנינו בטבריה. הכריחוהו והזקיקוהו לבא כאן לדון עמו :

אז ביידע עדות זאלין זעהן צו זאמען דיא זאך. דאס זאגין דארף מען געווים ניט זייא זאלי זאגין ביידע צו זאמען. האט רבי יוחנן גזאגט צו רבי יוסי ווייל דו ביסט שוין גיווארין ארבי. ווערסטו שוין בלייבען ארבי. האט רבי זירא גזאגט פון דאנען זעהן מיר אז מען האט גימאכט אגרויסען למדן פר ארבי. אפילו עס איז גיוועזן דורך אטעות. פון דעסטוועגין בלייבט ער שוין ארבי :

טז תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט פון וואנען ווייסען מיר אז איין בעל דין גייט ארויס פון בית דין זאל ניט ארויס גיין אבריין צו אים אונ זאגין איך האב דיך גירעכט גימאכט אונ מיינע חברים האבען דיך בעשולדיגט. וואס האב איך גיקענט העלפין אז מיינע חברים זענען גיוועזן מער פאר מיר. דריבער ביסטו געבליבען פאר שולדיגט. שטייט אין פסוק. דוא זאלסט ניט זאגין רכילות. שלמה המלך האט אויך אזוי גזאגט דער וואס זאגט רכילות אונ זאגט אויס די סודות :

יז ההוא. עס איז גיוועזן אתלמיד וואס מען האט גזאגט אויף אים אז ער האט אויס גזאגט אואך וואס איז גזאגט גיווארין ביי רבי אמי אין בית המדרש פאר צוויי אונ צוואנציג יאהר צוריק. האט רבי אמי אים ארויס געטריבען פון בית המדרש. אונ מען האט אויס גירופען אויף דעם תלמיד דער זאגט אויס די סודות :

יח שלחו. מען האט געשיקט צו מר עוקבא עס זאל זיין שלום צו דעם וואס איז אזוי שיין וויא משה רבינו וואס ער ווערט גירופען דער זוהן פון בתיה דיא טאכטער פון פרעה (ווייל זיא האט גיאדעוועט) עוקבן פון בבל האט געשריגען פאר אונז מיין ברודער ירמיה האט אפ גיצויגען פון מיר דיא וועג ווער פירט זיך ניט מיט מיר וויא אברודער אונ ער טוהט מיר שאדין געלט. אונ מען האט גזאגט צו ירמיה ער זאל איבער בעטין זיין ברודער עוקבן. אונ מען זאל אים נייטין ער זאל גיזעהן ווערין פאר אונז אין טבריא. פרעגט דיא גמרא פריער זאגסטו אז מען האט גזאגט צו ירמיה ער זאל איבער בעטין זיין ברודער עוקבן. האט איר דאך אים שוין געמשפט אונ גיפסקת דעם דין אז ער דארף אים איבער בעטין. דער נאך זאגסטו מען זאל אים נייטין ער זאל גיזעהן ווערין פאר די דיינים וואס אין טבריא. זעהן מיר דאך אז איר שיקט אים אין טבריא מען זאל אים דארט משפטין. נאר אזוי איז גיוועזן מען האט גזאגט צוא ירמיה

א״ר חנינא וכו׳ ומתניתין דאורייתא קמי תקנתא וכדייתא דרבנן בתר תקנת א: רבא אמר. דאוייכו בתר תקנתא דרבנן ומתניתין בדיני קנסות

בטבריא אלמא שדרוהו הכא אלא ה״ק אמרו ליה דיינוהו אתון אי ציית ציית ואי לא השיאוהו ויראה פנינו בטבריא] :

אחד דיני ממונות פרק רביעי

(דף לב) **א משנה** אחד דיני ממונות ואחד דיני נפשות בדרישה ובחקירה וכו׳ : **גמ׳** דיני ממונות מי בעינן דרישה וחקירה וכו׳ א״ר חנינא דבר תורה אחד דיני ממונות ואחד דיני נפשות בדרישה ובחקירה שנאמר (ויקרא כד) משפט אחד יהיה לכם ומה טעם אמרו דיני ממונות לא בעינן דרישה וחקירה כדי שלא תנעול דלת בפני לוין וכו׳ (שם ע״ב) רבא אמר מתניתין דהכא בדיני קנסות ואידך בהודאות והלוואות

מֶען וֶועט אִים דָא מְשְׁפְּטִין עֶר זָאל אִיבֶּער בֶּעטִין דֶעם בְּרוּדֶער עוּקְבָן . וֶועט עֶר פָאלְגִין אִיז גוּט . אוּנ אוֹיבּ עֶר וֶועט נִיט פָאלְגִין זָאלְט אִיר אִים בַּייטִין עֶר זָאל גִיזֶעהן וֶוערִין פַאר אוּנז אִין טְבֶרְיָה וַאנְדֶערֶע זָאגִין דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן מַר עוּקְבָא אִיז גִיוֶועזֶן דוּרְךְ תְּשׁוּבָה וָוארוּם מַר עוּקְבָא הָאט זִיךְ אַמָאהל פַאר לִיבְּט אִין אַאִשָּׁה וָואס זִיא הָאט גִיהַאט אַמַאן . אוּנ עֶר אִיז קְרַאנְק גִיוָוארִין פוּן לִיבְּשַׁאפְט . אַמָאהל הָאט גִיטְרָאפֶען דִיא אִשָּׁה אִיז אָרֶעם גִיוָוארִין אוּנ זִיא אִיז גִיקוּמֶען צוּא מַר עוּקְבָא עֶר זָאל אִיר בָּארְגִין גֶעלְט . אוּנ זִיא וֶועט טָאהן זַיין ווילֶען . הָאט זִיךְ מַר עוּקְבָא גִישְׁטַארְקְט אוֹיף דֶעם יֵצֶר הָרָע אוּנ הָאט נִיט מְזַנֶּה גִיוֶועזֶן מִיט אִיר . אוּנ עֶר אִיז גִיזוּנְד גִיוָוארִין . ווייל עֶר הָאט תְּשׁוּבָה גִיטָאהן דְרִיבֶּער אִיז גִיוֶועזֶן אַז מַר עוּקְבָא אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען אִין גַאס הָאט גִיבְּרֶענְט אַלִיכְט פוּן הִימֶעל אוֹיף זַיין קָאפּ . אוּנ עֶס הָאט בֶּעלוֹיכְטִין זַיין פָּנִים] :

פרק רביעי

א משנה . אֶחָד . סַיי דִיא עֵדוּת וָואס קוּמֶען זָאגִין אוֹיף גֶעלְט זַאכֶען . לְמָשָׁל זַייא זָאגִין רְאוּבֵן אִיז שׁוּלְדִיג צוּ בַּצָאהלִין גֶעלְט צוּ שִׁמְעוֹן וָואס עֶר הָאט בַּיי אִים גִיבָּארְגְט . אוּנ סַיי דִיא עֵדוּת וָואס קוּמֶען זָאגִין א״יף נְפָשׁוֹת . לְמָשָׁל זַייא זָאגִין מֶען דַארְף רְאוּבֵן הַרְגֶענֶן ווייל עֶר הָאט גִיטָאהן אִמְלָאכָה אוּם שַׁבָּת . אָדֶער זַייא זָאגִין עֶר הָאט גִיהַרְגֶעת אַמֶענְטְשִׁין . דַארְף מֶען דִי עֵדוּת פָארְשְׁטִין מִיט צְווייא עֶרְלֵייא זַאכֶען . אֵיינְס וֶוערְט גִירוּפֶען דְרִישָׁה . דִיא אַנְדֶערֶע וֶוערְט גִירוּפֶען חֲקִירָה וּדְרִישָׁה הֵייסְט מֶען פְרֶעגְט דִיא עֵדוּת וִויא פִיל גֶעלְט הָאט רְאוּבֵן גִיבָּארְגְט . וֶועלְכֶע גֶעלְט הָאט רְאוּבֵן גִינוּמֶען פוּן שִׁמְעוֹן . זִילְבֶּער גֶעלְט אָדֶער פַּאפִּירֶען גֶעלְט . וֶועלְכֶע מַטְבֵּעוֹת . אָדֶער וֶועלְכֶע פַּאפִּירֶען . אִין וֶועלְכֶע קְלֵיידֶער אִיז רְאוּבֵן גִיגַאנְגֶען וֶוען עֶר הָט גִיבָּארְגְט דָאס גֶעלְט . הָאט רְאוּבֵן גִינוּמֶען דָאס גֶעלְט שְׁטֵייעֶנְדִיג . אָדֶער זִיצֶענְדִיג . אוּנ נָאךְ אַזֶעלְכֶע זַאכֶען וָואס בֵּית דִין ווִיל פְרֶעגִין וּפְרִיעֶר גֵייט אַבַּיין אֵיין עֵדוּת צוּ בֵּית דִין אוּנ מֶען פְרֶעגְט אִים דָאס אַלְץ . דֶער עֵדוּת גֵייט אַרוֹיס רוּפְט מֶען אַרַיין דֶעם אַנְדֶערִין אוּנ מֶען פְרֶעגְט אִים דִי אַלֶע זַאכֶען וָואס מֶען הָאט גִיפְרֶעגְט דֶעם עֶרְשְׁטִין . אוֹיבּ זַייא זָאגִין בֵּיידֶע גְלַייךְ . אִיז גוּט . דַארְף רְאוּבֵן בַּצָאהלִין . אוּנ אוֹיבּ זַייא זָאגִין נִיט בֵּיידֶע גְלַייךְ לְמָשָׁל אֵיינֶער זָאגְט עֶר הָאט גִינוּמֶען פַאפִּירֶען גֶעלְט . דֶער אַנְדֶערֶער זָאגְט זִילְבֶּער גֶעלְט . אִיז דִיא עֵדוּת בָּטֵל . דַארְף נִיט רְאוּבֵן בַּצָאהלִין : אוּנ בַּיי נְפָשׁוֹת אִיז אוֹיךְ אַזוֹי מֶען פְרֶעגְט דִיא עֵדוּת וֶועלְכֶע מְלָאכָה הָאט עֶר גִיטָאהן אוּם שַׁבָּת . וִויא אַזוֹי הָאט עֶר גִיטָאהן דִיא מְלָאכָה . מִיט וֶועלְכֶע כֵּלִים הָט עֶר גִיטָאהן דִיא מְלָאכָה . עֶר הָאט גִיטָאהן דִיא מְלָאכָה זִיצֶענְדִיג אָדֶער שְׁטֵייעֶנְדִיג : אוּנ נָאךְ אַזֶעלְכֶע זַאכֶען וָוס בֵּית דִין וִויל פְרֶעגִין : אוּנ בַּיי אַמֶענְטְשִׁין הַרְגֶענֶן פְרֶעגְט מֶען וֶועלְכִין מֶענְטְשִׁין הָאט עֶר גִיהַרְגֶעת . אַאַלְטֶען אָדֶער אַיוּנְגֶען . אַהוֹיכֶען אָדֶער אַנִידֶערִיגֶען . וָואס פַאר אַהָאר הָט עֶר גִיהַאט מִיט וָואס הָט עֶר אִים גִיהַרְגֶעת . אוּנ נָאךְ אַזֶעלְכֶע זַאכֶען וָואס בֵּית דִין וִויל

והלואות רב פפא אמר אידי ואידי בהודאה והלואה כאן בדין מרומה כאן בדין שאינו מרומה כדריש לקיש דריש לקיש רמי כתיב (ויקרא יט) בצדק תשפוט עמיתך וכתיב (דברים יז) צדק צדק תרדוף הא כיצד כאן בדין מרומה כאן בדין שאין מרומה רב אשי אמר מתני' (כדרשינן) [כדשנין] קראי אחד לדין ואחד לפשרה כדתניא צדק צדק תרדוף אחד לדין ואחד לפשרה כיצד שתי

דליכא למיחש לנעילת דלת אבל בהודאות והלואות בדיני מלוה הוא בא לידון בעדי הודאה שהודה לו בפניהם ובעדי הלואה שהלווהו בפניהם דאיכא למיחש לנעילת דלת]: מרומה. שב"ד מכירין בתובע זה שהוא רמאי או מבינים טענת רמאי בדבריו: בצדק תשפוט. ולא כתיב בצדק צדק להזהיר בית דין לדקדק בו כל כך לדרוש ולחקור: מתניתא. שפיר איתרמי כחד מהני שינויי אי כר' חנינא אי כרב פפא אבל קראי דרמי להו ר"ל לא קשו דצדק צדק לאו לדרישה וחקירה אתו אלא צדק דין שלו וצדק פשרה שלו לפי

פרעגין. אונ חקירה הייסט אין וועלכער צייט דאס איז גיוועזן. וועלכע שעה אין טאג. וועלכער טאג אין וואך. וויא פיל טעג אין חודש. וועלכער חודש אין יאהר. וועלכער יאהר אין שמטה. וועלכע שמטה אין יובל]. זאגט דיא גמרא ביי געלט זאכען דארף מען דאך ניט קיין דרישה אונ חקירה. האט רבי חנינא גזאגט דיא תורה זאגט סיי געלט זאכען אונ סיי נפשות דארף האבען דרישה אונ חקירה. ווארום עס שטייט אין פסוק איין דין זאל זיין ביי אייך. אונ פאר וואס האט מען גזאגט אז געלט זאכען דארף ניט קיין דרישה אונ חקירה. מען זאל ניט פאר שליסען דיא טיר פאר דיא מענטשין וואס באָרגין געלט ולמשל אז ראובן האט פאר בארגט געלט צו שמעון. אונ שמעון לייקענט. אונ זייא קומען צו בית דין. אונ ראובן ברענגט עדות. אז בית דין וועט אזוי פיל אויס פרעגין דיא עדות. אונ זייא וועלין ניט גלייך זאגין. אדער איין עדות וועט זאגין ער וויים ניט. וועט שוין זיין בטל זייערע עדות אונ ראובן וועט שוין ניט קענען אויף מאנען זיין געלט. וועט ראובן ווייטער ניט וועלין פאר בארגין קיין געלט. ווארום עס קען דאך זיין אז דיא עדות האבען טאקי גיזעהן וויא ראובן האט פאר בארגט דם געלט. נאר זייא האבען ניט אזוי גוט אכטונג גיגעבין אויף אזעלכע זאכען וואס בית דין פרעגט אלץ ביי זייא]. דריבער האט מען גימאכט אז בית דין זאל נאר פרעגין אויב זייא ווייסען אז ראובן האט פאר בארגט געלט צו שמעון. אונ אז זייא זאגין יא. זאל שמעון מוזין בצאהלין. רבא זאגט דיא משנה שמועסט ביי אזעלכע געלט זאכען וואס דאס איז א קנס. דארפין די עדות האבען דרישה אונ חקירה. אבער ביי געלט זאכען וואס עדות זאגין פאר אונז האט שמעון מודה גיוועזן אז ער איז שולדיג געלט צו ראובן. אדער זייא זאגין מיר האבען גיזעהן וויא שמעון האט גיבארגט געלט ביי ראובן. דארפין ניט דיא עדות דרישה אונ חקירה. רב פפא זאגט אפילו ביי געלט פאר בארגין איז אויך דא אפטיילונג: אז בית דין דער קענען אן דיא רייד פון דעם וואס מאנט אז עס איז פאלש. דארף מען חוקר ודורש זיין דיא עדות: אונ וואו מען דער קענט ניט קיין פאלשקייט. דארף מען ניט חוקר ודורש זיין דיא עדות. אזוי וויא ריש לקיש האט גזאגט. ווארום ריש לקיש האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט בצדק תשפוט עמיתך. מיט גירעכטיקייט זאלסטו משפטין דיין חבר. שטייט נאר איין מאהל צדק. אונ אין אנדערין פסוק שטייט צדק צדק תרדוף. דוא זאלסט נאך יאגין גירעכטיגקייט. שטייט צוויי מאהל צדק. נאר אז בית דין דער קענט אן דיא רייד פון דעם וואס מאנט אז עס איז פאלש. דארף מען נאך קלערין דעם דין מיט פיל גירעכטיגקייט. מען זאל חוקר ודורש זיין דיא עדות. אונ אז מען דער קענט ניט קיין פאלשקייט. דארף מען ניט נאך קלערין דעם דין מיט פיל גירעכטיגקייט. מען דארף ניט חוקר ודורש זיין דיא עדות. רב אשי זאגט דיא משנה מיט דיא ברייתא זענען גוט פאר ענפערט. וויא רבי חנינא אדער וויא רבא אדער וויא רב פפא: נאר דיא פסוקים וואס ריש לקיש האט גיפרעגט איז ניט קיין קשיא. דריבער שטייט צווייא מאהל צדק איין מאהל אויף דין אונ איין מאהל אויף פשרה. דוא זאלסט גירעכט מאכען דיין דין אונ זאלסט גירעכט מאכען דיין פשרה. אזוי וויא מיר האבען גירערט עס שטייט אין פסוק גירעכטיגקייט זאלסטו נאך יאגין. איין מאהל אויף דין אונ איין מאהל

שתי ספינות עוברות בנהר ופגעו זה בזה אם עוברות שתיהן שתיהן טובעות בזה אחר זה שתיהן עוברות וכן שני גמלים שהיו עולין במעלות בית חורון ופגעו זה בזה אם עלו שניהם שניהם נופלים בזה אחר זה שניהם עולים הא כיצד טעונה ושאינה טעונה תדחה שאינה טעונה קרובה ושאינה קרובה תדחה קרובה מפני שאינה קרובה היו שתיהן קרובות שתיהן רחוקות הטל פשרה ביניהן ומעלות שכר זו לזו:

ב ת"ר (דברים יז) צדק צדק תרדוף הלך אחר ב"ד יפה אחר רבי אליעזר ללוד אחר ר' יוחנן בן זכאי לברור חיל. תנא קול ריחים בבורני שבוע הבן שבוע הבן שם. אור הנר בברור חיל משתה שם משתה שם

לאות עיניך ולא הרדוף את האחד יותר מחבירו: שתיהן טובעות. שתדחק זו את זו: ואם בזה אחר זה שתלך אחת אל היבשה עד שתעבור חברתה ואח"כ תעבור היא: מעלות בית חורון. מקום צר ואין דרך לנטות ימין ושמאל וצריך האחד לנטות לאחוריו עד שמוצא מקום לנטות: אם עולות שניהם. כגון זה עולה מצד זה וזה עולה מצד זה ופוגעות בראש תוכו של הר והבקעה עמוקה מימין ומשמאל: קרובה. לעיר: ומעלות שכר. לאחת ותדחה:

קול ריחים. שנשמעין: בבורני. מקום: שבוע הבן שבוע הבן. סימן הוא שיש שם ברית מילה כמבריח ולומר שבוע הבן כאן וכרתים סימן לשתיקה שממנין למכת התינוק ושפה גזרת המלכות היה שגזרו שלא למול והיו יראים להוציא קול וקבעו סימן זה: אור הנר בברור חיל. ניום או נרוה נרהן

אויף פשרה. וויא אזוי. למשל צוויי שיפען זענען געשוואומען אויף א טייך אונ זיי האבען בגעגינט איינע די אנדערע. אויב זייא וועלין ביידע גיין צו זאמען וועט איין שיף שטויסען די אנדערע וועלין ביידע דער טרונקין ווערין. אבער אז איין שיף וועט אוועק שווימען אויף א זייט אונ זיא וועט מאכען אארט די אנדערע שיף זאל דורך גיין; דער נאך וועט זיא גיין. וועלין ביידע שיפען דורך גיין אן א שאדין. אדער צוויי קעמלען זענען גיגאנגען אויף דעם בית חורין. איינער איז ארויף גיגאנגען אויף דעם בארג פון מזרח זייט. דער אנדערער איז גיגאנגען אויף דעם בארג פון מערב זייט; אונ אויף דעם שפיץ בארג האבען זיך ביידע בגעגינט. אונ אין צפון זייט פון בארג איז אטאהל. אונ אין דרום זייט פון בארג איז אויך אטאהל. אויב זייא וועלין ביידע ארויף קומען אויף דעם שפיץ בארג וועלין ביידע אראפ פאלען. אבער אז איין קעמיל וועט אראפ צוריק. אונ וועט ווארטין אונטען ביי דעם בארג ביז דער קעמיל פון אויבין וועט אראפ גיין. דער נאך וועט ער צוריק ארויף גיין וועלין ביידע ניט האבען קיין שאדין. וויא זאל מען טאן. אויב איין שיף איז בלאדין אונ דיא אנדערע איז ליידיג. אדער איין קעמ ל איז בלאדין אונ דער אנדערער איז ליידיג. זאל דיא ניט בלאדענע אפ גישטויסען ווערין צו מאכען אארט פאר דיא בלאדענע. אבער אז ביידע שיפען זענען בלאדין. נאר איינע איז נאנט צום ברעג אונ איינע איז ווייט פון ברעג. דיא שיף וואס איז נאנט צום ברעג זאל זיא צו שווימען צום ברעג. צו מאכען אארט פאר די אנדערע שיף. אדער ביידע קעמלען זענען בלאדין. נאר איין קעמיל איז שוין פיל ווייט ארויף גיגאנגען אויף דעם בארג. אונ דער אנדערער קעמיל איז נאר אביסול ארויף גיגאנגען. דער וואס איז וויניגער ארויף גיגאנגען. דער זאל צוריק גיין. אבער אז ביידע שיפען זענען נאנט צום ברעג אדער ביידע שיפען זענען ווייט פון ברעג. אדער ביידע קעמלען זענען גלייך ארויף גיגאנגען אויף דעם בארג. דער קעמיל פון דער זייט אונ דער קעמיל פון דער זייט. ביידע זענען נאר אביסול ארויף גיגאנגען אויף דעם בארג. אדער ביידע זענען שוין פיל ארויף גיגאנגען אויף דעם בארג. זאל מען מאכען א פאר גלייכונג צווישען זייא. איינער זאל בצאהלין דעם אנדערין פאר וואס ער ווערט אפ גישטויסין:

ב תנו רבנן. דיא רבנן האבין גילערונט עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט נאך יאגין גירעכטיגקייט. אז דוא דארפסט האבין אדין תורה זאלסטו גיין צו אגוטין בית דין. דוא זאלסט גיין אין לוד צו רבי אליעזר. דוא זאלסט גיין אין ברור חיל צו רבי יוחנן בן זכאי. מיר האבין גילערונט ווען עס איז גיווען אגזרה מען זאל ניט מל זיין דיא קינדער. אונ מען פלעגט מל זיין אין דער שטיל קיינער זאל ניט וויסען. אז מען האט גיוואלט מענטשין זאלין וויסען צו קומען אויף דעם ברית אום גיבעטין. פלעגט מען מאכין סימנים. אין דיא שטאט בורני איז

שם . ת"ר צדק צדק תרדוף הלך אחר חכמים לישיבה אחר ר' אליעזר ללוד אחר רבן יוחנן בן זכאי לברור חיל אחר רבי יהושע לפקיעין אחר רבן גמליאל ליבנה אחר ר' עקיבא לבני ברק אחר רבי מתיא לרומי אחר רבי חנינא בן תרדיון לסיכני אחר ר' יוסי לציפורי אחר ר' יהודה בן בתירה לנציבין אחר (ר' חנינא בן אחי) רבי יהושע לגולה אחר רבי לבית שערים אחר חכמים ללשכת הגזית:

(דף לג) ג ורמינהו דן את הדין זיכה את החייב וחייב את הזכאי וכו'] כה שעשה עשוי וישלם מביתו אמר רב יוסף לא קשיא כאן במומחה וכו' (רב ששת אמר כאן שטעה בדבר משנה כאן שטעה בשיקול הדעת וכו') איתיביה רב הנונא לרב ששת מעשה בפרה של בית מנחם שניטלה האם שלה והאכילה ר' טרפון לכלבים ובא מעשה לפני חכמים

הרבה בלילה סימן הוא כמי שלועק מבתה שם משתה בס ברית מילה קרי שבוע הבן על שם שהוא לסוף שבוע : אחר חכמים לישיבה . בית הועד ששם בתי דינין קבוע כגון אחר רבי אליעזר ללוד וכן כולם כל אחד למקומו : לגולה . לפומבדיתא כדאמר בר"ה עד שרואה כל הגולה לפניו כמדורות אש ואמרינן מאי גולה אמר אביי פומבדיתא שעיקר ישיבת ישראל שם היתה : אחר חכמים סנהדרי גדולה :

[טועה בדבר מלוה] שטעותו מצוי. בדבר המשנה אין דינו דין לגמרי וחוזר] : לרב ששת . דאמר טעה בדבר משנה חוזר : האם שלה . בית הריון :

גיווען אסימן אז מען האט גיהערט אין אשטוב מאלט מען מיט זארנעס. האט מען גיוואוסט אז דארט איז אברית . אין דיא שטאט ברור חיל איז גיווען אסימן אז מען האט גיזעהן אין אשטוב ברענט אליכט ביי טאג אדער ביי נאכט ברענט פיל ליכט . האט מען גיוואוסט אז אין דיא שטוב איז אסעודה . דיא רבנן האבין גילערונט עס שטייט אין פסוק גירעכטיגקייט גירעכטיגקייט זאלסטו נאך יאגין . אז דוא דארפסט האבין אדין תורה זאלסטו גיין אויף דעם ארט ווא חכמים זיצען אונ לערנען מיט אישיבה . דוא זאלסט גיין אין לוד צו רבי אליעזר אין ברור חיל צו רבי יוחנן בן זכאי . אין פקיעין צו רבי יהושע : צו רבן גמליאל אין יבנה . דוא זאלסט גיין צו רבי עקיבא וואס ער וואהנט ביי דיא בני ברק . אין רוים צו רבי מתיא בן חרש : אין סיכני צו רבי חנינא בן תרדיון . אין ציפורי צו רבי יוסי . אין נציבין צו רבי יהודה בן בתירה . אין פומבדיתא צו רבי חנינא דער זוהן פון רבי יהושעס ברודער . אין בית שערים צו רבי . אין לשכת הגזית צו דיא סנהדרי גדולה :

ג ורמינהו . פרעגט דיא גמרא מיר האבין גילערונט אדיין האט געמשפט אדין תורה אונ ער האט אטעות גיהאט. למשל ראובן האט געקריגט מיט שמעון וועגין געלט . האט דער דיין גיפסקנט ראובן זאל בצאהלין . אונ ער האט בצאהלט . דער נאך האט מען גיזעהן אז עס איז אטעות . נאך זייערע טענות איז גיווען דער דין ראובן זאל ניט בצאהלין . דאס הייסט ווער עס איז גיווען אומגירעכט (שמעון) . האט דער דיין גיזאגט ער איז גירעכט . אונ ווער עס איז גיווען גירעכט (ראובן) האט דער דיין גיזאגט ער איז אומגירעכט : וואס דער דיין האט גיטאהן איז פארפאלין . שמעון דארף ניט צוריק געבין דאס געלט . אונ דער דיין דארף בצאהלין צו ראובן וואס ער האט בצאהלט צו שמעון . האט רב חסדא גיזאגט עס איז ניט קיין קשיא אז אמומחה (ארבו) האט אטעות דארף ער ניט בצאהלין . אונ אז דער דיין איז גיווען אבעל הבית אונ ער האט גיהאט אטעות . דארף ער יא בצאהלין . רב ששת זאגט אויב דער דיין האט אטעות גיהאט אין אזוי אדין וואס עס שטייט אין אמשנה אנדערש וויא ער האט גיפסקנט . זאל מען פון דעם דין חרטה האבין . אונ שמעון גיט צוריק דאס געלט צו ראובן . אונ אויב מען האט אטעות גיהאט אין אדין וואס מען דארף קלערין . נאר דיא אלע חכמים פסקנן אז ראובן איז גירעכט . אונ דער דיין האט גיפסקנט אז שמעון איז גירעכט . וואס ער האט גיטאהן איז פארפאלין . דיא געלט בלייבט ביי שמעון . אונ ער דארף בצאהלין צו ראובן אנדער געלט . האט רב המנונא גיפרעגט צו רב ששת עס האט אמאהל גיטראפין ביי דיא קוה פון מנחם האט מען ארויס גינומען פון בויך דעם ארט ווא דיא קאלב ליגט (דאס הייסט דיא מוטער) . האט רבי טרפון גיזאגט דיא קוה איז טריף . אונ ער האט צו שניטען דיא קוה אונ האט איהר גיגעבין צו דיא הינט זייא

ומקולאות טרפתה ושלפוחית ובלעז מגריל"ו: אין פרה וחזירה יוצאה וכו'. לפי שמוכות הן ואין רואין שיהיו מצויות במקומות אחרות וקא הזינא דמהקיימות: הלכה המורך טרפון. כלומר צריך אני למכור את נ מורי להחזיר פרה לבעליהן: טועה בדבר משנה אתה. שהם משנה היא דאלו טרפות (דף נד) ניטלה האם שלה כשירה: וטועה בדבר משנה חוזר. ולקמן פריך הכא מאי הוה איכא הא האכילה לכלבים]:

חכמים ביבנה והתירוה שאמר תודוס הרופא אין פרה וחזירה יוצאה מאלכסנדריא של מצרים אלא א"כ חותכין האם שלה כדי שלא תלד א"ר טרפון הלכה חמורך טרפון א"ל ר' עקיבא פטור אתה שכל המומחה לרבים פטור מלשלם (ואם איתא לימא ליה טועה בדבר משנה אתה וטועה בדבר משנה חוזר חדא ועוד קאמר חדא דטועה בדבר משנה אתה וטועה בדבר משנה חוזר ועוד אי נמי בשיקול הדעת טעית מומחה לרבים אתה וכל המומחה לרבים פטור מלשלם):

(שם ע"ב) **ד פיסקא** דיני נפשות (מחזירין לזכות ואין מחזירין לחובה) ת"ר מנין ליוצא מבית דין חייב ואמר אחד יש לי ללמד עליו זכות מנין

זאלין איהר עסין. דער נאך האט מען דער ציילט דיא זאך פאר דיא חכמים וואס זענען גיוועזן אין יבנה. האבין זייא גיזאגט דיא קוה איז גיוועזן כשר. מען האט איהר גימעגט שעכטין אונ עסין. ווארום דער דאקטאר תודוס האט גיזאגט מען לאזט ניט ארויס פירען אקוה אונ אחזיר פון אלכסנדריא וואס אין מצרים. סיידין מען שניידט אויס פון בויך דיא מוטער. זייא זאלין ניט גיבאהרין קיין קינדער. ווייל זייא האבין ניט גיוואלט אז אזעלכע קיה אונ חזירים זאלין זיין אין אנדערע שטעט. זעהן מיר דאך אז אפילו דיא מוטער איז ארויס גינומען פון דעסטוועגין קען זיא לעבין. האט רבי טרפון גיזאגט צו זיך אליין. טרפון דיין איזיל איז שוין אוועק גיגאנגען פון דיר. דוא מוזט שוין פאר קויפין דיין איזיל אונ בצאהלין פאר דיא קוה. וואס דוא האסט טרייף גימאכט. האט רבי עקיבא גיזאגט צו רבי טרפון דוא דארפסט ניט בצאהלין פר די קוה. ווארום דער וואס איז בעוואוכט צו פיל מענטשין אז ער איז אלמדן אונ ער האט גיהאט אטעות אין אדין. דארף ער ניט בצאהלין. איז דאך אקשיא פאר וואס האט רבי עקיבא ניט גיזאגט צו רבי טרפון דוא האסט דאך גיהאט אטעות אין אזוי אזאך וואס עס שטייט אין אמשנה אנדערש וויא דוא האסט גיפסקנת ווארום אין דער משנה שטייט אז עס איז ארויס גינומען גיווארין פון אבהמה איהר מוטער איז זיא כשר. אונ אז מען האט אטעות אין אדין וואס אין אמשנה שטייט אנדערש. דארף מען איבער פסקנן דעם דין אבער דער דיין דארף ניט בצאהלין. אונ אז רבי עקיבא האט ניט אזוי גיזאגט צו רבי טרפון. געווים איז דער דין ניט אזוי. נאר אפילו מען האט אטעות אין אזוי אדין וואס אין אמשנה שטייט אנדערש. איז אויך דער דין פאר פאלען אונ דער דיין דארף בצאהלין. איז דאך אקשיא אויף רב ששת. ענטפערט דיא גמרא רבי עקיבא האט גזאגט צו רבי טרפון צוויי זאכען. איין מאהל האסטו גיהאט אטעות אין אזוי אדין וואס אין אמשנה שטייט אנדערש וויא דוא האסט גזאגט. אונ אז מען האט אטעות אין אזוי אדין וואס אין אמשנה שטייט אנדערש. דארף מען איבער פסקנן דעם דין. אבער דער דיין דארף ניט בצאהלין. אונ ווען אפילו דוא וואלסט גיהאט אטעות אין אזוי אדין וואס מען דארף קלערין. דו ביסט דאך בעוואוסט צו פיל מענטשין פר אלמדן. אונ דער דיין וואס איז בעוואוסט צוא פיל מענטשין פאר אלמדן. אז ער האט אטעות אין אדין דארף ער ניט בצאהלין:

ד פיסקא. דיני. אז בית דין האבען גיפסקנת אויף איינעם מען זאל אים הרגנן. אונ מען האט אים שוין געפירט צום הרגנן. דער נאך האט בית דין גיזעהן זייא האבען גיהאט אטעות מען דארף אים ניט הרגנן. קערט מען אים אום צוריק. אונ מען לאזט אים לעבין. אבער אז בית דין האבען גיפסקנת מען דארף אים ניט הרגנן. אונ ער איז שוין אוועק גיגאנגען פון בית דין. דער נאך האבען בית דין גיזעהן זייא האבען גיהאט אטעות מען דארף אים יא הרגנן.

[מנין] שמחזירין אותו ת"ל (שמות כג) נקי אל תהרוג. ומנין ליוצא מבית דין זכאי ואמר אחד יש לי ללמד עליו חובה מנין שאין מחזירין אותו ת"ל (שם) צדיק אל תהרוג אמר רב שימי בר אשי וחילופא למסית דכתיב (דברים יג) לא תחמול ולא תכסה עליו רב כהנא מתני (שם) מכי [הרג] תהרגנו:

ה ואין מחזירין לחובה וכו' [א"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן והוא שטעה בדבר שאין הצדוקין מודין בו אבל טעה בדבר שהצדוקין מודין בו זיל קרי בי רב הוא] בעא מיניה רבי חייא בר אבא מרבי יוחנן טעה בנואף ונואפת מהו א"ל

נקי משמע מן התפיסה ואע"פ שנתחייב בב"ד: צדיק משמע שנצטדק בדין ואע"פ שאינו נקי: דבר שאין הצדוקין מודין בו. שאין טעותו מפורש בתורה בהדיא אלא במשנה או בדברי האמוראים: זיל קרי בי רב הוא: תינוקות של בית רבן יודעין שאינו אלא כלום והדר: טעה בנואף ונואפת. זיכה מהן מי אמרינן מהדרינן ליה לחובה דבשלמא ברוצח איכא למטעי במילי טובא דלא מפרשי בהדיא כגון האומר אבן שהרגו בה לא היה בה כדי מיתה או בהותרה מפי ההרוג ולא מפי עדים או האומר הוא היה רודפו ויכול להציל באחד מאבריו ולא הציל אלא הרגו אבל בנואף ונואפת ליכא טעותא

קערט מען אים ניט אום צוריק צום הרגנן. נאר ער בלייבט לעבין: דיא רבנן האבען גילערנט אז איינער גייט ארויס פון בית דין צום הרגנן אים. אונ דער נאך האט איין דיין גזאגט איך וויים צוא לערנען פר אים אזכות מען זאל אים ניט הרגנן. פון וואנען ווייסין מיר אז מען קערט אים אום צוריק. שטייט אין פסוק נקי אל תהרוג. דער וואס איז אין אמת ריין פון דיא זינד. אפילו ביי בית דין איז ער פר שולדיגט גיווארין. פון דעסטוועגין זאל מען אים ניט הרגנן. אונ אז איינער גייט ארויס פון בית דין גירעכט אז מען דארף אים ניט הרגנן. דער נאך האט איין דיין גזאגט איך וויים צו לערנען אויף אים אז ער איז ניט גירעכט נאר מען דארף איהם יא הרגנן. פון וואנען ווייסען מיר אז מען קערט אים ניט אום צוריק. שטייט אין פסוק צדיק אל תהרוג. אז ער איז נאר איין מאהל גירעכט גיווארין ביי בית דין. אפילו אין אמת איז ער ניט גירעכט. פון דעסטוועגין זאל מען אים ניט הרגנן. רב שימי בר אשי זאגט אז מען דארף איינעם הרגנן ווייל ער האט אן גירעט זיין חבר ער זאל דינען עבודה זרה. איז פאר קערט דער דין: אז ער איז ארויס גיגאנגען פון בית דין צום הרגנן. אונ דער נאך האט אביין גזאגט איך וויים צו לערנען אויף אים אזכות. קערט מען אים ניט אום צוריק. נאר מען הרגת אים. אונ אויב פאר קערט איז גיוועזן ער איז ארויס גיגאנגען פון בית דין גירעכט מען זאל איהם ניט הרגנן. אונ איין דיין האט גזאגט איך וויים צו לערנען אויף אים אז ער איז אומגירעכט אונ מען דארף אים יא הרגנן. קערט מען אים אום צוריק אונ מען הרגת אים. ווארום עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט רחמנות האבען אונ זאלסט ניט פאר דעקין אויף אים זיין זינד. רב כהנא לערנט פון דעם פסוק הרג תהרגנו: דוא זאלסט איהם הרגנן אונ וויא פריער שטייט]:

ח ואין מחזירין לחובה. רבי חייא בר אבא זאגט פון רבי יוחנן וועגין ווען זאגין מיר אז ער איז ארויס גיגאנגען פון בית דין גירעכט אונ דער נאך האט איין דיין גזאגט איך וויים אויף אים צו לערנען אז ער איז אומגירעכט. קערט מען אים ניט אום צוריק. דאס איז נאר אז בית דין האט ניהאט אטעות אין אזוי אזאך וואס עס שטייט ניט אין דער תורה. נאר דיא חכמים לערנען דאס אפ דורך זייערע דרשות. אונ דיא אפקורסים גלויבין ניט דיא זאך. אבער אז בית דין האט גיהאט אטעות אין אזוי אזאך וואס עס שטייט אין דער תורה. אונ די אפקורסים גלויבין אויך דיא זאך. דאס ווייסען דאך דיא קינדער וואס לערנען אין חדר אויך אז עס איז אטעות. קערט מען אים אום צוריק אונ מען הרגת אים: רבי חייא בר אבא האט גיפרעגט ביי רבי יוחנן אז דער מענטש וואס מען האט אים גידארפט הרגנן איז גיוועזן ווייל ער האט מזנה גיוועזן מיט אאשת איש. אדער מען האט גיוואלט די אשת איש הרגנן. אונ בית דין האבען פריער גיהאט אטעות אונ האבען גזאגט מען דארף אים ניט הרגנן. איז ער אוועק גיגאנגען פון בית דין גירעכט. דער נאך האט איין דיין זיך דער מאנט אז דער דין איז

לזכותו : עד דמוקדך יקיד קין קרך וצלי . בעוד שהוא דולקת קיון דלועין שלך וצלה אותן כלומר בעוד שאתה עסוק במשנתה תן לב לסנין ולהוסיף לקח הרי שמעת ממני [טעה בדבר שהצדוקין מודין בו הוזר והאי דבר שהצדוקין מודין בו הוא] :
טעם אחד מתאי מקראות . מפרש לקמן כדתניא דם יהשב לאיש ההוא דם שפך לרבות את הזורק דברי רבי ישמעאל רבי עקיבא אומר או זבח לרבות את הזורק והרווייהו מרבי זריקה מר מייתי לה מדם יהשב ומר מייתי לה מאו זבח ואמרינן הכי בגמרא לענין שמחלוקת שהיה בין הסנהדרין שאם אמרו שנים טעם אחד משני מקראות אין מונין להם אלא אחד משום דחד מהנך קראי לא להכי אתא דקיימא לן לא נכתבו שני מקראות לטעם אחד וילפינן חד מינייהו מטעמא טעי והביא ראיה מאחת דבר אלהים שתים זו שמענו הכל שתים לא דבר אלהים לשמוע אחת) :
חלק עליהם בתי דינין. וה"ק קרא קח את כל ראשי העם ותלוק אותם לבתי דינין הרבה וידונו את עובדי עבירה והוקע אותם את המתחייבים מפני שנלמדו לבעל פעור ועובד ע"ז בסקילה וכל הנסקלין נתלין כדאמרינן בד' מיתות אין ב"ד אחד דנין שנים ביום אחד : הלא בשתי מיתות הוא דאין דנין לפי שאין זו דומה לזו צריך למצוא טעם לדבריהם

א"ל ארמוקדך יקוד זיל קוץ קיך וצלי :
(דף לד) (תהלים סב) **ה אחת** דבר אלהים שתים זו (שמענו) [שמעתי]
וגו' מקרא א' יוצא לכמה טעמים ואין טעם אחד יוצא (משתי) [מכמה] מקראות דבי ר' ישמעאל תנא (ירמיה כג) וכפטיש יפוצץ סלע מה פטיש זה מתחלק לכמה ניצוצות אף מקרא אחד יוצא לכמה טעמים :
(דף לה) (במדבר כה) **ו קח** כל ראשי העם והוקע אותם אם העם חטאו ראשי העם מה חטאו אמר רב יהודה אמר רב א"ל הקב"ה למשה חלק עליהם בתי דינין מ"ט אילימא משום שאין דנין שנים ביום אחד האמר רב חסדא לא שנו

מען זאל אים יא הרגנן . קערט מען אים אום צוריק צום הרגנן . אדער ניין : האט רבי יוחנן געזאגט צו רבי חייא ווען דער פייער ברענט נאך גיי האק אפ די פלוצערין און בראט זיי . דאס מיינט מען ווען דוא האלטסט נאך ביי דעם דין . לערין ווייטער דעם דין אויך . איך האב דיר דאך איין מאהל געזאגט אויב דער טעות איז געווען אין אזוי א זאך וואס די רבנן דרשענען . זאל מען אים ניט הרגנן . אונ אויב דער טעות איז געווען אין אזוי א זאך וואס שטייט אין דער תורה . זאל מען אים הרגנן :

ה אחת . דוד המלך האט געזאגט גאט האט גירעדט איינס . אונ איך האב גיהערט צוויי . דאס מיינט מען דער פסוק איז איינער . אונ פון דעם איין פסוק קען מען וויסען פיל טעמים . אבער איין טעם קומט ניט ארויס פון עטליכע פסוקים . עס זאל שטיין למשל צוויי אדער דריי פסוקים מען זאל פון זיי וויסען איין זאך . דס איז ניטא אין דער תורה . דבי רבי ישמעאל האט גילערנט עס שטייט אין פסוק וכפטיש יפוצץ סלע . עס איז דא אזוי א האמער שטיין אז מען קלאפט אויף אים מיט א האמער . ווערט דער האמער צו האקט אונ צו בראכען אין פיל שטיקער . אונ דער שטיין בלייבט גאנץ . אזוי איין פסוק ווערט צו טיילט אויף פיל טעמים . פון איין פסוק קען מען וויסען פיל דינים :

ו קח . גאט האט געזאגט צו משה נעם דיא אלע עלצטע פון פאלק אונ איינג זיי אויף . איז דאך א קשיא אויב דאס פאלק האט געזינדיגט . וואס האבען דיא עלצטע פון פאלק געזינדיגט . פאר וואס זאל מען די עלצטע פון פאלק אויף איינגען . האט רב יהודה געזאגט פון רבם ווענין ניט גאט האט גימיינט מען זאל דיא עלצטע אויף איינגען . נאר אזוי האט גאט געזאגט צו משה . נעם דיא עלצטע פון פאלק אונ צו טייל זייא אויף עטליכע בית דינים אונ זייא זאלין משפטין דאס פאלק . מען זאל דאס פאלק וואס האבען געזינדיגט צו דיא עבודה זרה פעור אויף איינגען . זאגט דיא גמרא צו וואס האט מען גידארפט עטליכע בית דינים . פאר וואס זאל ניט איין בית דין משפטין אלע : מיר זאלין זאגין ווייל איין בית דין טאר ניט משפטין צוויי מענטשין אין איין טאג . רב חסדא האט דאך געזאגט דאס איז נאר ביי צוויי ערליי מיתות . אז מען משפט יעדערין בזונדער פאר איין אנדער עבירה . אונ עס קומט יעדערין בזונדער איין אנדער טויט . דאס משפט ניט איין בית דין צוויי מענטשין אין איין טאג . אבער אז אלע מענטשין האבען געטאהן איין עבירה . אונ עס קומט זיי איין טויט . משפט איין בית דין אפילו עטליכע אין איין טאג : אונ דא איז דאך געוועו איין עבירה אונ איין טויט האט דאך געקענט זיין איין בית דין .

שנו אלא בשתי מיתות אבל במיתה אחת דנין אלא כדי שישוב חרון אף מישראל:

ז דיני ממונות גומרין בו ביום (בין לזכות בין לחובה דיני נפשות גומרין בו ביום לזכות וביום של אחריו לחובה) מה"מ א"ר חנינא דאמר קרא (ישעיה א) מלאתי משפט צדק ילין בה ועתה מרצחים ורבא אמר מהכא (שם) אשרו חמוץ אשרי דיין שמחמץ את דינו ואידך אשרו המוץ ולא חומץ:

ח א"ר (אליעזר) [אלעזר א"ר יצחק] כל תענית שמלינין בה צדקה כאילו שופך דמים שנאמר (ישעיה א) צדק ילין בה ועתה מרצחים והני מילי

לדבריהם כאן וכאן ואתי לקלקולי שמא לא יחפשו ככל הצורך: אבל במיתה אחת. ועבירה אחת דנין אלא. כדמוכח קרא וישוב חרון אף וגו' כשהקב"ה רואה שכולם עסוקים בדבר ומקנאים לכבודו: צדק ילין בה. רגילים היו מתחלה להלין את הדין כדי לצדקו ועתה כשאינן עושין כן הרי הן כמרצחים: שמחמץ את דינו. שמשהה אותו ומלינו כדי להוציאו לאמתו: ואידך. מיבעי ליה לכך דרשא דאמר בב"ק מנין שמזקקין לתובע תחלה כגון התובע את חבירו לדין שהלוהו ואינו משלם וזה טוענו משכון היה לי בידך ונתקלקלה או אבדה מזקקין ב"ד תחלה לתביעת התובע עד שיהא ממונו בידו ואח"כ מזקקין לדין המשכון: אשרו חמוץ. החזיקו את הגזל ולא את הגוזל:

כל תענית כו'. רגילים היו לחלק צדקה בלילי התעניות והיו עיני עניים נשואות לכך ואם ילינוהו נמצאו עניים רעבים שבטחו על כך: והני מילי. במקום שרגילין לחלק ריפתא ותמרי דבר מוכן לאכילה:

ענטפערט דיא גמרא אז גאט וועט זעהן אז אלע עלצטע פון פאלק בשעפטיגען זיך צו שטראפין דיא מענטשין וואס האבען געדינט עבודה זרה וועט געשווינט געשטילט ווערין דער כעס פון גאט פון די יודין:

ח דיני. אז עס קומט פאר בית דין אדין תורה פון געלט זאל בית דין פסקנן דיא דין תורה דעם זעלביגען טאג. סיי ער געווינט דיא דין תורה סיי ער פארשפילט. אבער אז בית דין משפטין אמענטשין צו מען דארף איהם הרגנן אדער ניין: אויב זייא האבין אפ גיקלערט אז מען דארף איהם ניט הרגנן. זאלין זייא פסקנן דעם דין דעם זעלביגען טאג. אבער אז זיי האבין אפ גיקלערט או מען דארף איהם הרגנן. זאלין זייא ווארטין מיט דעם פסקנן ביז מארגין. פון וואנען ווייסין מיר דאס. האט רבי חנינא גיזאגט ווארום עס שטייט אין פסוק איך בין פול גיוועזן מיט משפט. צדק ילין בה. דער דין פלעגט נעכטיגען ביז מארגין טאמער וועט מען איהם קענען גירעכט מאכין. ועתה מרצחים. אבער איצט אז מען טוהט ניט אזוי. נאר אפילו צום הרגנן פסקנן זייא אויך באלד דעם זעלביגען טאג: איז גלייך וויא זייא וואלטין גיהרגת אומשולדיגע מענטשין. רבא זאגט דאס ווייסין מיר פון דעם פסוק אשרו חמוץ. וואוהל צו דעם דיין וואס ער מאכט זאוער דעם דין. דאס מיינט מען ער פסקנת היינט ניט דעם דין צום הרגנן. נאר ער ווארט ביז מארגין. טאמער וועט מען איהם ניט דארפין הרגנן. מען וועט געפינען אויף איהם אזכות, אונ פאר וואס זאגט ניט רבי חנינא פון דעם פסוק וואס רבא זאגט. ווארום רבי חנינא טייטשט אשרו חמוץ, שטארקט דעם גירויבטין אבער ניט דעם רויבער. בית דין דארפין זעהן אפ צו נעמען דיא גיגזלתע געלט פון דעם גזלן. אונ אוועק געבין צו דעם וואס מען האט ביי איהם גיגזלת:

ט אמר. רבי אלעזר האט גיזאגט פון רבי יצחקס וועגין דיא צדקה וואס דיא גבאים נעמען צו זאמען אין דעם טאג פון אתענית. אונ זייא צו טיילין ניט דיא צדקה באלד צו די ארעמע לייט. נאר זייא האלטין ביי זיך דיא צדקה ביז מארגין וועלין זייא צו טיילין. איז גלייך וויא זיי וואלטין גיהרגת מענטשין, ווארום דיא ארעמע לייט וואס האבין אגאנצין טאג גיפאסט אונ זיי האבין גיוואוסט אז פארין נאכט טיילט מען זייא צדקה האבין זייא זיך פארלאזט אויף דיא צדקה ביי נאכט. אונ אז דער גבאי האט אבער ניט גיטיילט דעם תענית פארין נאכט דיא צדקה. האבין דיא ארעמע לייט גיכוזט פאסטין אגאנצע נאכט. ווער וויים טאמער האט זיי דאס לענגערע פאסטין דער קירצט זייער לעבין. האט דאך דער גבאי זייא גיהרגת. ווארום עס שטייט אין פסוק צדק ילין בה ועתה מרצחים. אז דיא צדקה נעכטיגט ביי דעם גבאי. ער האט איר ניט צו טיילט פארין נאכט. זענען די גבאים רוצחים. דס איז נאר אז דיא צדקה איז פערטיגע עסין. למשל ברויט. טייטלען: האט זיך דער ארעם מאן דארויף פר לאזט אגאנצין טאג. אונ הם

מילי בריפתא ובתמרי אבל זוזי וחיטי ושערי לית לן בה:

(דף לו) ט אמר רבה בריה דרבא ואיתימא רבי הלל בריה דרבי וולס מימות משה ועד רבי לא מצינו תורה וגדולה במקום אחד ולא והא הוה יהושע הוה אלעזר והא הוה פנחס הוו זקנים והא הוה שאול הוה שמואל והא נח נפשיה כולהו שניה קאמרינן והא הוה דוד הוה עירא היאירי והא נח נפשיה כולהו שניה קאמרינן והא הוה שלמה הוה שמעי בן גרא והא קטליה כולהו שניה קאמרינן והא הוה חזקיה הוה שבנא והא איקטיל כולהו שניה קאמרינן והא הוה עזרא הוה נחמיה בן חכליה אמר רב אדא בר אהבה אף אני אומר מימות רבי עד רב אשי לא מצינו תורה וגדולה במקום אחד ולא והא הוה הונא בר

אבל זוזי או חיטי או שערי. לא חשדו העניים עליהם אותו הלילה ולית לן בה עד למחר: במקום אחד. תורתן וגדולתן של ישראל באדם אחד שאין כמוהו בכל ישראל בתורה ובגדולה כגון משה שהיה גדול על כל ישראל במלכות ובתורה וכן רבי בנשיאות ובתורה: הוה אלעזר. שהיו בתורה ולא הוי במקום אחד: והא הוה פנחס. משמתו יהושע ואלעזר: הוו זקנים. כגון עתניאל ואבצן ובועז: עירא היאירי. במ"ק אמרינן דהוה מתני להו לרבנן על גבי כרים וכסתות ודוד היה מנהיגו עליו לראש דכתיב עירא היאירי היה כהן לדוד: שמעי. גדול היה כדאשכחן שירד לקראת דוד הירדן באלף איש: שבנא. שהיה ישיבתו גדולה משל חזקיהו כדאמרינן בפרק זה בורר:

ניט אן גיגרייט קיין אנדער עסין אויך נאך דעם תענית. אבער אז דיא צדקה איז געלט אדער ווייץ אונ גערשטין. אויף דעם הט זיך דער ארעם מאן ניט פר לאזט אויף ביי נאכט צו עסין: נאר ער האט אן גיגרייט אויף ביי נאכט וואס צו עסין. דריבער הארט מיך ניט אז מען וועט די געלט אדער די ווייץ מיט גערשטין מארגין צו טיילין:

ט אמר. רבה בריה דרבא הט גזאגט: אנדערע זאגין רבי הלל בריה דרבי וולס האט גזאגט: פון משה רבינו ביז רבי געפינען מיר ניט אמענטשין וואס ער זאל זיין דער גרעסטער חכם אין דער תורה מער פון אלע יודין. אונ ער זאל זיין דר רייכסטער פון אלע יודין. נאר משה רבינו איז גיוועזן דער גרעסטער אין דער תורה אונ אין רייכקייט: אונ רבי איז אויך גיוועזן אין זיין צייט דער גרעסטער אין דער תורה אונ דער גרעסטער אין רייכקייט. פרעגט די גמרא עס איז דאך גיוועזן יהושע. איז אבער גיוועזן אלעזר. איז דאך יהושע ניט גיוועזן דער גרעסטער. פרעגט דיא גמרא דער נאך וויא יהושע אונ אלעזר זענען גישטארבין איז דאך גיוועזן פנחס דער גרעסטער. זענען דאך גיוועזן די זקנים. עתניאל בן קנז אונ אבצן אונ בועז וואס זייא זענען גיוועזן גלייך צו פנחס. פרעגט דיא גמרא שאול המלך איז דאך גיוועזן. איז דאך גיוועזן שמואל הנביא. איז שאול ניט גיוועזן דער גרעסטער. פרעגט די גמרא שמואל איז דאך גישטארבין ווען שאול האט נאך גילעבט. איז דאך שאול שוין גיוועזן דער גרעסטער. ענפערט דיא גמרא מיר מיינען ער זאל זיין דער גרעסטער אלע יאהרין זיינע. פרעגט דיא גמרא דוד המלך איז דאך גיוועזן. איז דאך גיוועזן עירא היאירי. דער רבי פון דוד. איז דוד ניט גיוועזן דער גרעסטער. פרעגט דיא גמרא עירא איז דאך גישטארבין ווען דוד האט נאך גילעבט. איז דאך שוין דוד גיוועזן דער גרעסטער. ענפערט דיא גמרא מיר מיינען ער זאל זיין דער גרעסטער אלע יאהרין. פרעגט דיא גמרא שלמה המלך איז דאך גיוועזן. איז דאך גיוועזן שמעי בן גרא. איז שלמה ניט גיוועזן דער גרעסטער. פרעגט די גמרא שלמה האט דאך גיהרגת דעם שמעי. איז דאך שוין שלמה גיוועזן דער גרעסטער. ענפערט דיא גמרא מיר מיינען ער זאל זיין דער גרעסטער אלע יאהרין זיינע. פרעגט די גמרא חזקיה המלך איז דאך גיוועזן. איז דאך גיוועזן שבנא. איז חזקיה ניט גיוועזן דער גרעסטער. פרעגט דיא גמרא שבנא איז דאך גיהרגת גיווארין. איז דאך שוין גיוועזן חזקיה דער גרעסטער. ענפערט די גמרא מיר מיינען ער זאל זיין דער גרעסטער אלע יאהרין זיינע: פרעגט די גמרא עזרא איז דאך גיוועזן. איז דאך גיוועזן נחמיה בן חכליה. איז עזרא ניט גיוועזן דער גרעסטער. רב אדא בר אהבה זאגט איך וועל אויך זאגין פון רבי ביז רב אשי געפינען מיר ניט אמענטשין וואס ער זאל זיין דער גרעסטער חכם אין דער תורה

בר נתן מיכף הוה כייף ליה לרב אשי:

יא ופיסקא] דיני נפשות מתחילין מן הצד מנה"מ א"ר אחא בר פפא אמר קרא (שמות כג) לא תענה על רב לא תענה על רב רבה בר בר חנה אמר ר' יוחנן מהכא (ש"א כה) ויאמר דוד לאנשיו חגרו איש חרבו ויחגרו איש חרבו ויחגור גם דוד את חרבו:

לא תענה על רב. כתיב בלא יו"ד ומשמע לא תחלוק על מופלא בל בית דין הילכך לא מתחילין מיניה דלמא חזי ליה חובה ולא פלגינן עילויה ומתחילין מן הצד (שלא ישמע) [שישמעו] אחד דברי אחד מן המזכים ויסכים עמו: ויחגור גם דוד את חרבו. באחרונה נמנו עליו לדונו משום מורד במלכות:

(סס ע"ב) יב פיסקא] ואין הכל כשרין לדון דיני נפשות מ"ט דתני רב יוסף כשם שב"ד מנוקין בצדק כך מנוקין מכל מום אמר אמימר מאי קראה (ש"ה ד) כלך יפה רעיתי ומום אין בך ודלמא מום ממש א"ר אחא בר יעקב אמר קרא (במדבר יא) והתיצבו שם עמך בדומין לך ודילמא התם משום

[מכל מום. פגם משפחה: משום שכינה. הך דבימי משה הוא דבעינן מיוחסין שיהו ראויין

מער פון אלע יודין. אונ ער זאל זיין דער רייכסטער פון אלע יודין. נאר רב אשי איז געוועזן אין זיין צייט דער גרעסטער חכם פון אלע יודין אין דער תורה אונ דער רייכסטער פון אלע יודין: פרעגט דיא גמרא עס איז דאך געוועזן הונא בר נתן וואס ער איז געוועזן אגרויסער חכם אונ אגרויסער עושר: ענטפערט דיא גמרא הונא בר נתן איז געוועזן אונטער טעניג צוא רב אשי:

יא פיסקא. דיני. אז בית דין זיצען אונ קלערין אויף אמענטשין אויב מען דארף אים הרגנן. אונ מען פרעגט ביי יעדער דיין בזונדער וואס ער זאגט. פרעגט מען פריער ביי די דיינים וואס זיצען ביי דער זייט. צום לעצטין פרעגט מען דעם גרעסטין דיין. פון וואנען ווייסען מיר דאס. האט רב אחא בר פפא גזאגט עס שטייט אין פסוק לא תענה על רב. לייענען מיר רב. דוא זאלסט ניט ענטפערין. דוא זאלסט ניט קריגען אויף דעם גרעסטין דיין. אונ אז מען וועט צו ערשט פרעגין דעם גרעסטין דיין. טאמער וועט ער זאגין. מען דארף דעם מענטשין הרגנן. וועט שוין קיינער נישט טארין זאגין אנדערש. דריבער פרעגט מען פריער דיא קלענערע דיינים אונ זיי קלערין איינר מיט דעם אנדערין. אונ דער גרעסטער דיין הערט דער ווייל דיא דעות (מיינונגען) פון אלע דיינים. דער נאך זאגט ער זיין דעה אונ מען פסקנט דעם דין. רבה בר בר חנה זאגט פון רבי יוחנן וועגין פון דעם פסוק. דוד האט גזאגט צו זיינע מענטשין יעדער פון אייך זאל אן גורטין זיין שווערד. האט יעדער אן גיגורט זיין שווערד. דער נאך האט דוד אן גיגורט זיין שווערד. דער פסוק מיינט אונז צו זאגין אז דוד הט גיקלערט מיט זיינע מענטשין אויב נבל הייסט אמורד במלכות. ווארום דוד איז דאך שוין געוועזן גיזאלבט פר אמלך. אונ אז נבל האט אים ניט גיפאלגט. מעג אים דוד הרגנן. אדער ניין ווייל שאול לעבט נאך אונ ער איז אמלך. איז נאך דוד ניט קיין מלך. טאר מען ניט הרגנן דעם נבל. פריער האבען די מענטשין פון דוד גזאגט יעדער זיין מיינונג. דער לעצטער איז געוועזן דוד צוא זאגין זיין מיינונג. זעהן מיר אז דעם גרעסטינס דעה איז די לעצטע:

יב פיסקא. ואין. ניט אלע דיינים זענען כשר צו משפטין אמענטשין צום הרגנן אים פאר וואס. ווארום רב יוסף הט גילערנט אזוי וויא בית דין דארפין זיין ריין מיט גירעכטיגקייט אזוי דארפין זייא זיין ריין פון אלע פעלערם. דאס מיינט מען אין זייער משפחה זאל ניט זיין קיין פעלר. זייא זאלין זיין מיוחסים. אמימר זאגט דאס ווייסען מיר פון דעם פסוק דוא ביסט אין גאנצין שיין אין דיר איז ניטא קיין פעלער. פרעגט דיא גמרא טאמער מיינט מען אין דעם דיין זאל ניט זיין אפעלער. זיין גוף זאל זיין גאנץ. אבער מען דארף ניט קיין יחוס. רב אחא בר יעקב זאגט דאס ווייסען מיר פון דעם פסוק גאט הט גזאגט צו משה דיא זקנים זאלין דארטין שטיין מיט דיר. מיט דיר מיינט מען זייא זאלין זיין גלייך צו דיר. אזוי וויא דו ביסט אמיוחס. זאלין זיי אויך זיין מיוחסים. פרעגט די גמרא דיא זקנים פון משה האבען יא גידארפט

שתשרה שכינה עליהן : שכינה . דכתיב ואצלתי מן הרוח] : ונשאו אתך . בסנהדרין שהלך לו יתרו לשפוט את העם דאין כאן משום שכינה (כתיב) [דכתיבן והקל מעליך ונשאו אתך ולא מוכחא אתך במשא העם יליף דהוא הע' זקנים שהלכו עמו לאהל מועד כתיב ומשום שכינה :

סהר . עגול הוא : בטבורו של עולם . שבהמ"ק באמצעו של עולם : דומה לסהר . בעגולה : אל יחסר המזג . לא יחסרו מחלק השלישי שהוא כדי הראוי למזוג : מזג'. ב' חלקי מים ואחד יין : עשרים ושלשה . שליש של שבעים : לצאת . לעסקיו חוץ ללשכה : סייג . היא גדר : סוגה בשושנים . גדורה בשושנים כלומר באזהרה קלה ובהבדלה מועטת הם נפרשין מן העבירה ואין צריך גדר אבנים להפסיקן שאפילו אין רחוקים מן העבירה אלא גדר שושנים מפסיק ביניהם לא יפרצו בה פרצות הגדר : מהבהבת . אוחזת ודולקת כמו שלהבה ולא כהבהב

משום שכינה אלא אמר רב נחמן בר יצחק אמר קרא (שמות יח) ונשאו אתך בדומין לך ליהוי : (דף לז) (ש"ס ז) יג **שררך** אגן הסהר אל יחסר המזג וגו' שררך זו סנהדרין למה נקרא שמה שררך שהיא יושבת בטבורו של עולם אגן שהיא מגינה על כל העולם כלו הסהר שהיא דומה לסהר אל יחסר המזג שאם הוצרך אחד מהם לצאת רואים אם יש כ"ג כנגד סנהדרי קטנה יוצא ואם לאו אינו יוצא . (שם) בטנך ערמת חטים מה ערמת חטים הכל נהנין ממנה אף סנהדרין הכל נהנין מטעמיהן סוגה בשושנים שאפי' בסוגה של שושנים לא יפרצו בהם פרצות והיינו דא"ל ההוא מינא לרב כהנא אמיתו נדה שרי ליחודי בהדי גברא אפשר אש בנעורת ואינה מהבהבת א"ל התורה העידה עלינו סוגה

זיין מיוחסים . ווייל די שכינה האט גידארפט רוהען אויף זיי . אבער אנדערע דיינים פון וואנען ווייסען מיר אז זיי דארפין זיין מיוחסים . האט רב נחמן בר יצחק גזאגט דאס ווייסען מיר פון דעם פסוק יתרו האט גזאגט צו משה דוא זאלסט נעמען דיינים זיי זאלין טראגין דיא פאלק מיט דיר . מיט דיר מיינט מען זיי זאלין זיין גלייך צו דיר . אזעלכע מיוחסים ווי דו ביסט ; זעהן מיר אז דיינים דארפין זיין מיוחסים:

יג שררך אגן הסהר אל יחסר המזג . שררך מיינט מען דיא סנהדרין . פאר וואס רופט מען דיא סנהדרין שררך ; ווייל דיא סנהדרין זענען גיזעסין אין מיטען פון דער וועלט . אזוי ווי דער נאפיל וואס ער איז דער מיטען פון דעם מענטשין [שרר איז דער טייטש אנאפיל] . אגן איז דער טייטש בשיצונג . דיא סנהדרין האבען בשיצט אויף דער גאנצער וועלט . הסהר איז דער טייטש דיא לבנה . זיי זענין גיזעסין האלב קיילעכדיג וויא א האלבע לבנה . אל יחסר המזג ; וויין [אין ארץ ישראל] אז מען שטעלט אים מיט וואסער . ווערט ער גירופען מזג . דארף זיין איין דריטול וויין אונ צוויי דריטול וואסער . דער עיקר איז דער דריטול וויין . אזוי ביי דיא גרויסע סנהדרין איז אויך גיוועזען דריי מאהל דריי אונ צוואנציג דיינים . נאר איין מאהל דריי אונ צוואנציג איז גיוועזען דער עיקר . דריבער האט מען גידארפט זעהן : אז ווייניגער וויא דריי אונ צוואנציג דיינים זאל קיין מאהל ניט זיין . דאס מיינט מען דער מזג זאל ניט פעלין . אז איין דיין האט גידארפט אוועק גיין ; זעהט מען אויב אן אים זענען אויך דא דריי אונ צוואנציג דיינים . אזוי וויא דיא קליינע סנהדרין זענין . הט ער גימעגט אוועק גיין ; אונ אויב אן אים איז ניט געבליבען דריי אונ צוואנציג דיינים . האט ער ניט גיטארט אוועק גיין . בטנך ערמת חטים ; דיין בויך איז וויא א בארג ווייץ : אזוי וויא א בארג ווייץ האבען אלע מענטשין הנאה פון אים . אזו דיא סנהדרין האבען אלע מענטשין הנאה פון זיי וויא מאכען שלום צווישען דיא מענטשין וואס האבען א קריג . אונ זיי היטען דיא רוצחים] . סוגה בשושנים . זיא איז פאר צאמט מיט רויזין . אפילו זי וואלט גיוועזען פאר צאמט מיט אגרינגען צאם . נאר מיט רויזין . וואלטין זיא אים אויך ניט צוא בראכען . דיא יודין זענען אפ גישיידט פון א עבירה ; מיט א גרינגען פאר זאג . אז מען זאגט נאר צו א יודין ער זאל דיא זאך ניט טאהן . טוהט ער שוין ניט . אפילו צווישען אים אונ דיא עבירה וואלט נאר גיזיין א וואנט פון רוזין . וואלט ער זיא אויך ניט צו בראכען ; אונ ער וואלט אוועק גיין פון דיא עבירה . דאס איז וואס א אפיקורוס האט אמאהל גזאגט צו רב כהנא איר זאגט אז א נדה מעג זיין אליין אין א שטוב מיט איר מאן ; וויא אזוי איז דאס מעגליך פייער זאל זיין אין פלאקס אונ עס זאל ניט ברענען . וויא אזוי קען דאס זיין דיא תאוה זאל ניט ברענען אין

סוגה בשושנים שאפי' סוגה בשושנים לא יפרצו בהן פרצות ר"ל אמר מהכא (ש"ה ז) כפלח הרמון רקתך אפילו ריקנין שבך מלאים מצות כרמון רבי זירא אמר מהכא (בראשית כז) וירח את ריח בגדיו אל תקרי בגדיו אלא בוגדיו (דאפילו בוגדים שבהם יש בהם ריח)

וגלע"ז פלמי"ד : בריוני . פריצים לשון בוריס : רבי זירא . גולה הוה ונהרגו שוקיו ע"י מעשה דבדיק נפשיה בהורא בגירא בהבוכר את הפועלים וקרי ליה קטינא חריך שקי : מאיימין . שלא יעידו עדות שקר : מאומד . בגמ מפרש : דיני ממונות . אם העיד שקר

הנהו בריוני דהוין בשבבותיה דרבי זירא דהוה מקרב להו כי היכי דניהדרו בתשובה והוו קפדי רבנן כי נח נפשיה דר' זירא אמרו עד האידנא הוה קטינא חריך שקי דהוה בעי עלן רחמי השתא מאן בעי עלן רחמי הרהרו בלבייהו ועבדו תשובה :

יד משנה כיצד מאיימין את העדים על עדי נפשות היו מכניסים אותם ומאיימין עליהם שמא תאמרו מאומד ומשמועה עד מפי עד ומפי אדם נאמן שמא אי אתם יודעים שסופנו לבדוק אתכם בדרישה ובחקירה הוו יודעין שלא כדיני ממונות דיני נפשות דיני ממונות אדם נותן ממון ומתכפר לו דיני נפשות דמו ודם זרעותיו הלוין בו עד סוף העולם

דעם מענטשין ער זאל בזעל זיין דיא ווייב זיינע אפילו זיא איז אנדה . האט רב כהנא גזאגט צום אפקורס דיא תורה האט עדות גזאגט אויף אונז סוגה בשושנים . אפילו מיר זענין נאר פאר צאכט מיט אדינעם אונ אגרינגען צאם וויא מיט רויזין ; פון דעכטוועגין וועלין מיר ניט אויף ברעכין דעם צאם צו טאהן אעבירה ; ריש לקיש זאגט פון דעם פסוק כפלח הרמון רקתך . אזו וויא אשטיק מילגרוים זענין דיינע ליידיגע . אפילו דיא ליידיגע יודין [דיא פראכטע יודין] זענין אויך פול מיט מצות אזוי וויא אמילגרוים איז פול מיט קערנער . רבי זירא זאגט פון דעם פסוק וירח את ריח בגדיו . זאלסט ניט לייענען בגדיו . זיינע קליידער . נאר זאלסט לייענען בוגדיו . זיינע פעלשערס . ער האט גישמעקט דעם ריח פון דיא פאלשע מענטשין . אפילו דיא פאלשע יודין שמעקט אויך פון זייא תורה אונ מצות . שלעכטע מענטשין האבען אמאהל גיוואוהנט אין דיא גאס וואו רבי זירא האט גיוואוהנט . פלעגט רבי זירא אלע מאהל שמועסין מיט זייא . אונ האט זייא נאנט גימאכט צו זיך ; אונ פלעגט זייא זאגין מוסר . זייא זאלין טאהן תשובה . זענען דיא רבנן אין כעס גיוועזען אויף רבי זירא פאר וואס ער שמועסט מיט די רשעים . וויא רבי זירא איז גישטארבין האבען דיא שלעכטע מענטשין גזאגט ביז איצט איז גיוועזען דער קליינער מיט דיא אפ געבריטע פיס פלעגט ער בעטין צו גאט פון אונזערט וועגין . איצט אז ער איז גישטארבען ווער וועט בעטין פון אונזערט וועגין . האבין זיי גיטראכט אין הארצין זיי זאלין אוועק ווארפין זייערע שלעכטע מעשים אונ האבען גיטאהן תשובה :

יד משנה . כיצד ; וויא אזוי האט בית דין גימאכט אמורא אויף דיא עדות וואס זאגין אויף אמענטשין מען זאל אים הרגנן . זייא זאלין ניט זאגין פאלשע עדות . מען האט ארייין גיברייננט דיא עדות צו בית דין . אונ מען האט גימאכט אמורא אויף זייא . טאמער זאגט איר ווייל עם דאכט זיך אייך עס איז אזוי . אדער איר האט גיהערט פון אמענטשין אזוי . אונ איר גידיינקט ניט פון וועמען . אדער איר האט גיהערט אנדערע עדות האבען אזוי גזאגט פאר איין אנדער בית דין . זענט איר אויך גיקומען עדות זאגין פאר אונז . אדער איר טראכט מיר מעגין קומען עדות זאגין ווייל מיר האבען אזוי גיהערט פון אבגלויבטין מענטש וועם מיר ווייסן ער וועט ניט זאגין קיין ליגען . אדער ווייל איר האט ניט גיוואוסט אז מיר וועלין אייך אזו פארשטין . דריבער זענט איר גיקומען זאגין אפילו אזוי אזאך וואס איר ווייסט ניט געווים . דריבער זאגין מיר אייך איר זאלט וויסען אז דער משפט פון געלט זאכען איז ניט אזוי וויא דער משפט פון אמענטשין הרגנן . אז מען זאגט פאלש עדות אויף געלט זאכען אונ דיא עדות האבין איינעם גיטאהן אשאדין געלט . קענען דיא עדות תשובה טאהן . זייא געבין יענעם אוועק דס געלט וואס זייא האבען אים שאדין גיטאהן . וועט זייא פר געבין ווערין דיא עבירה . אבער אז

נותן ממון לזה בנסכד על ידו ומתכפר : לפיכך נברא אדם יחידי . כל זה אומרים להם לפיכך נברא אדם יחידי להראותך במאדם אחד נברא מלואו של עולם : הרבה רשויות בשמים . וכל אחד ברא את שלו : ולהגיד גדולתו . וע"ד לכך נברא יחידי להראות לדורות הבאים גדולתו של הקב"ה שבהו הם הראשון כל הדורות עבועות שלא היה החלה אלא חותם אחד : חותם . היינו אותו ברזל שהצורה חקוקה בו : טובע כמה מטבעות בחותם אחד . כל (המעות) [המטבעות] באדם טובע ע"י ברזל אחת כולן דומין : בשבילי נברא העולם . כלומר חשוב אני כעולם מלא אל אאבד את עצמי מן העולם

העולם שכן מצינו בקין שהרג את אחיו שנאמר (בראשית ד) קול דמי אחיך צועקים אינו אומר דם אחיך אלא דמי אחיך דמו ודם זרעותיו ד"א דמי אחיך שהיה דמו מושלך על העצים ועל האבנים לפיכך נברא אדם יחידי ללמדך שכל המאבד נפש אחת מישראל מעלה עליו הכתוב כאלו איבד עולם מלא וכל המקיים נפש אחת מישראל מעלה עליו הכתוב כאילו קיים עולם מלא ומפני שלום הבריות שלא יאמר אדם לחבירו אבא גדול מאביך ושלא יהיו המינים אומרים הרבה רשויות בשמים ולהגיד גדולתו של הקב"ה שאדם טובע כמה מטבעית בחותם אחד כולן דומין זה לזה ומלך מלכי המלכים הקב"ה טבע כל אדם בחותמו של אדם הראשון ואין אחד מהם דומה לחבירו לפיכך כל אחד ואחד חיב לומר בשבילי נברא העולם ושמא תאמרו

מה

מען זאגט פאלש עדות צו הרגנן אמענטש . זיין בלוט אונ דיא בלוט פון זיינע קינדער וואס ווען ער וואלט האבען אז ער וואלט גילעבט . אונ דיא קינדער וואלטין ווייטער האבען קינדער ביז צום סוף וועלט . דאס איינגט אלץ אויף דיא פאלשע עדות . זייא הרגנן ניט נאר איין מענטש . נאר טויזענדער מענטשין מיט איין מאהל . אזוי געפינען מיר ביי קין . ער האט נאר גיהרגת איין מענטש . זיין ברודער . שטייט ביי אים דער קול פון דיא בלוטין פון דיין ברודער שרייען ; גאט האט ניט גזאגט דיא בלוט פון דיין ברודער ; נאר דיא בלוטין פון דיין ברודער ; פיל בלוטין . זיין בלוט אונ דיא בלוט פון דיא קינדער וואס ער וואלט האבען . דבר אחר נאך אזוי קען מען זאגין . פאר וואס שטייט אין פסוק דיא בלוטין פון דיין ברודער . פיל בלוט . ווייל זיין בלוט איז פר גאסין גיווארין אויף עטליכע ערטער . אויף העלצער אויף שטיינער (פון דבר אחר (נאך אזוי קען מען זאגין) ביז לפיכך (דריבער) . זאגין ניט בית דין צו דיא עדות . נאר ווייל דיא משנה שמועסט פון דעם פסוק דמי אחיך (דיא בלוטין פון דיין ברודער) זאגט דיא משנה נאך אפשט אויף דעם פסוק אויסער דעם פשט וואס בית דין זאגין פר דיא עדות . אונ פון לפיכך (דריבער) אונ ווייטער זאגין בית דין צו דיא עדות) . לפיכך . דריבער איז דער מענטש . אדם הראשון" בשאפען גיווארין איינער . צו לערנען אונז . דער וואס פאר ליכט איין מענטש פון דער וועלט . רעכנט אויף אים דער פסוק גלייך וויא ער וואלט פאר לארין אגאנצע וועלט . אונ דער וואס מאכט לעבעדיג איין מענטש . למשל אמענטש האט זיך גיטרונקין אין טייך . אדער ער איז גיוועזן אין איין אנדער סכנה . אונ מען הט אים גיראטעוועט אונ דער האלטין ביי זיין לעבין . רעכנט אויף אים דער פסוק גלייך וויא ער וואלט דער האלטען ביים לעבין אגאנצע וועלט . ומפני שלום הבריות אונ דריבער איז אדם הראשון בשאפען גיווארין איינער . עס זאל זיין שלום צווישען מענטשין . אמענטש זאל ניט זאגן צו זיין חבר מיין פאטער איז אגרעסערער יחסן פון דיין פאטער . נאר מיר אלע זענען גיבארין פון איין פאטער ; פון אדם הראשון . אונ נאך אטעם פאר וואס אדם הראשון איז בשאפען גיווארין איינער . דיא אפקורסים זאלין ניט זאגין פיל געטער זענען דא אין הימעל . יעדער גאט האט בשאפען איין אנדער מענטש . אונ נאך אטעם פאר וואס אדם הראשון איז בשאפען גיווארין איינער . צו זאגין דיא גרויסקייט פון גאט . אז אמענטש מאכט פיל מטבעות אין איין פארעם . מוזין אלע מטבעות האבען איין צורה אונ מוזין זיין גלייך איינע צו די אנדערע . אונ גאט האט בשאפען אלע מענטשין פון אדם הראשון (ווארום אלע מענטשין זענען גיבארין גיווארין פון אדם הראשון) . אונ איין מענטש איז ניט גלייך צום אנדערין . דריבער דארף יעדער מענטש זאגין פון מיינעט וועגין איז דיא וועלט בשאפען גיווארין . ווייל איך בין איינער אויף דער

(דף ס ע"ב) מה לנו ולצרה זו והלא כבר נאמר (ויקרא ה) והוא עד או ראה או ידע אם לוא יגיד וגו' ושמא תאמרו מה לנו לחוב בדמו של זה והלא כבר נאמר (משלי יא) באבוד רשעים רנה: **גמ'** ת"ר כיצד מאומד אומר להם שמא כך ראיתם שרץ אחר חבירו לחורבה ורצתם אחריו ומצאתם סייף בידו ודמו מטפטף והרוג מפרפר אם כך ראיתם לא ראיתם כלום:

בעבירה אחת וימשך סימנה: מה לי ולצרה הזאת. להכניס ראשנו בצרה הזאת אפילו על האמת: הלא כבר נאמר והוא עד. עליכם (כתיב) [מוטל] חובה ונשיאות עון אם לא תעידו מה שראיתם: ושמא תאמרו מה לנו לחוב. להיות מתחייבים בדמו של זה נוח לנו לעמוד באם לא יגיד: הלא כבר נאמר באבוד רשעים רנה. אם רשע הוא אין כאן עונש: או אני או אתה. שמעון בן שטח קאמר ליה הכי:

טו תניא אמר שמעון בן שטח אראה בנחמה אם לא ראיתי אחד שרץ אחר חבירו לחורבה ורצתי אחריו וראיתי סייף בידו ודמו מטפטף והרוג מפרפר ואמרתי לו רשע מי הרג לזה או אני או אתה אבל מה אעשה שאין דמך מסור בידי שהרי אמרה תורה (דברים יז) על פי שנים עדים יומת המת היודע מחשבות

וועלט מיט מיין צורה. נאך איינער ריכטיג מיט אזוי אצורה וויא איך האב. איז ניטא. אונ וייל דיא וועלט איז בשאפען געווארין נאר פון איינעט וועגין דארף ער זעהן ער זאל ניט זינדיגען. אונ ער זאל ניט פאר לירען זיך מיט אלע קינדער וואס קענען פון אים געבארין ווערין ביז סוף וועלט [פון ומפני שלום הבריות ביז ושמא תאמרו. זאגין ניט בית דין צו דיא עדות. נאר וייל דיא משנה שמועסט פאר וואס אדם הראשון איז בשאפען געווארין איינער. זאגט די משנה נאך טעמים אויף דער זאך. אויבער דעם טעם וואס בית דין זאגין צו דיא עדות. אונ פון ושמא תאמרו ביז באבוד רשעים רנה זאגין וייטער בית דין צו דיא עדות]. ושמא תאמרו. טאמער וועט איר זאגין צו וואס טויג אונז דיא צרה. אפילו מיר ווייסען עס איז אמת. צו וואס זאלין מיר אויף אונז נעמען דעם זארג פון דעם מוסר: טאמער האבען מיר אין איין זאך אטעות. עס שטייט שוין אבער לאנג אין דיא תורה אז ער איז אעדות. ער האט געזעהן דיא זאך. אדער ער ווייס פון דיא זאך. אויב ער וועט ניט זאגין. וועט ער געשטראפט ווערין: דריבער אויב איר ווייסט אמת עדות צו זאגין. מוזט איר זאגין. טאמער וועט איר זאגין צו וואס זאלין מיר אונז פאר שולדיגען אין זיין בלוט: צוא וואס זאל דורך אונז געהרגת ווערין אמענטש. מיר ווילען בעסער האבען דיא עבירה אם לא יגיד איידער אמענטש זאל געהרגת ווערין דורך אונז. עס שטייט שוין לאנג אין פסוק באבוד רשעים רנה: אז ארשע ווערט פאר לארין פון די וועלט דארף מען זינגען. דריבער אויב איר ווייסט אז דער מענטש איז ארשע. וועט איר נאך האבען אמצוה וואס ער וועט געהרגת ווערין דורך אייך. זאגט דיא גמרא דיא רבנן האבען געלערונט וויא אזוי קען זיך דיא עדות דאכטין. בית דין זאגין צו דיא עדות טאמער האט איר אזוי געזעהן. איינער האט געיאגט זיין חבר אונ זיא זענען ביידע אריין געלאפין אין אפוסטע שטוב. זענט איר געלאפען נאך זיי. האט איר געטראפען דער איינער שטייט אונ האלט אשווערד אין האנט אונ דיא בלוט רינט פון שווערד אונ דער געהרגתר צאפילט זיך. רעכינט איר געווים האט דער מענטש אים געהרגת. אויב איר האט נאר אזוי געזעהן. האט איר גאר ניט געזעהן:

טו תניא. מיר האבען געלערונט שמעון בן שטח האט גזאגט איך זאל אזוי זוכה זיין צו זעהן אטרייסטונג וויא איך האב געזעהן איינער האט געיאגט זיין חבר. אונ זייא זענין ביידע אריין געלאפען אין אפוסטע שטוב. בין איך געלאפען נאך זייא. אונ איך האב געזעהן דער איינער שטייט אונ האלט אשווערד אין האנט אונ דיא בלוט רינט פון שווערד אונ דער געהרגתר צאפילט זיך. האב איך גזאגט צו אים רשע ווער האט געהרגת דעם מענטש. איך אדער דו. געוויס דו. אבער וואס זאל איך טאהן דיין בלוט איז ניט איבער געגעבין אין מיין האנט. איך טאר דיך ניט הרגען. ווארום דיא תורה הט גזאגט דורך צוויי עדות זאל געהרגת ווערין דער וואס מען דארף אים הרגען. אונ איך בין נאר איין עדות. דער וואס ווייס אלע

מחשבות יפ״ע מאותו הא״ש שהרג את חבירו אמרו לא זזו משם עד שבא נחש והכישו ומת והאי בר נחש הוא והאמר רב יוסף וכן תני דבי חזקיה מיום שחרב בהמ״ק אע״פ שבטלה סנהדרין ד׳ מיתות לא בטלו לא בטלו והא בטלו אלא דין ד׳ מיתות לא בטלו מי שנתחייב סקילה או נופל מן הגג או חיה דורסתו מי שנתחייב שרפה או נופל בדליקה או נחש מכישו מי שנתחייב הריגה לסטים באים עליו מי שנתחייב חנק או טובע בנהר או מת בסרונכי אמרי ההוא חטא אחריתי הוה ביה דאמר מר מי שנתחייב שתי מיתות ב״ד נידון בחמורה :

טז פיסקא הוו יודעין וכו׳) אמר רב יהודה בריה דר׳ חייא מלמד שעשה קין בהבל אחיו חבורות חבורות פציעות פציעות שלא היה יודע מהיכן נשמה יוצאת עד שהגיע לצוארו ; וא״ר יהודה בריה

דין ד׳ מיתות. פורענות בידי שמים הדומה למיתה שהוא מחוייב בה : נחש מכישו. דקלי ליה איסרא לדם של נחש שורפו : נופל מן הגג. דומיא דסקילה כדתנן לקמן בית הסקילה היה גבוה שתי קומות וקומה שלו הרי כאן שלש : ליסטין באין עליו. שדרכן להרוג בסייף : חטא אחריתי הוה ביה. שהיה מחויב שרפה שהיא חמורה דאילו רוצח בסייף הוא ומיתת סייף קלה כדאמרינן בפרק ד׳ מיתות : פצעים. מכת חרב קרי פצעים : חבורות חבורות.

טראכטונג. זאל ער שטראפין דעם מענטש וואס האט גיהרגת זיין חבר. מען זאגט רבי שמעון מיט דעם מענטש זענען ניט אוועק גיגאנגען פון דעם ארט ביז אשלאנג איז גיקומען אונ האט אים אביס גיטאהן אונ ער איז גישטארבין. פרעגט דיא גמרא האט דען דער מענטש גידארפט גיהרגת ווערין דורך אשלאנג. רב יוסף האט דאך גזאגט אונ אזוי האט גילערנט דבי חזקיה פון דעם טאג וואס דער בית המקדש איז חרוב גיווארין אפילו די סנהדרין זענין בטל גיווארין. אבער דיא פיר ערליי מיתות וואס בית דין פלעגין הרגנן זענען ניט בטל גיווארין. פרעגט דיא גמרא זייא זענען ניט בטל גיווארין. זייא זענען דאך יא בטל גיווארין. בית דין האבין דאך שוין ניט גיהרגת. נאר אזוי זאג דער דין פון דיא פיר מיתות איז ניט בטל גיווארין. גאט שטראפט דעם מענטשין מיט דעם זעלביגען טויט וואס בית דין וואלטין אים גישטראפט. אז איינער האט גיטאהן אזוי אעבירה וואס בית דין וואלטין אים גיהרגת מיט שטיינער. שטראפט אים גאט אדער ער פאלט אראפ פון אדאך אונ ווערט גיהרגת. אדער אחיה הרגת אים. אונ דער וואס האט גיטאהן אזוי אעבירה וואס בית דין וואלטין אים פאר ברענט. שטראפט אים גאט אדער ער פאלט אריין אין אפייער אונ ווערט פאר ברענט; אדער אשלאנג בייסט אים. אונ דער גיפט פון שלאנג פאר ברענט אים אינווייניג. אונ דער וואס האט גיטאהן אזו אעבירה וואס בית דין וואלטין אים הרגנן מיט אשווערד. שטראפט אים גאט אדער מען טאכט אויף אים אבלבול צום מלך. אונ מען הרגת אים מיט אשווערד. אדער גזלנים קומען אויף אים אונ הרגנן אים מיט אשווערד. אונ דער וואס האט גיטאהן אזוי אעבירה וואס בית דין וואלטין אים דער שטיקט. שטראפט אים גאט אדער ער ווערט דער טרונקען אין אטייך. אדער ער שטארבט דורך אזוי אקראנקייט וואס ער האט אמכה אין האלדז אונ ער ווערט דער שטיקט. איז דאך אקשיא פר וואס איז דער מענטש פון שמעון בן שטח גישטארבין דורך אשלאנג. ער האט דאך גידארפט גיהרגת ווערין דורך אשווערד. ענטפערט דיא גמרא דער מענטש הט גיטאהן נאך אעבירה וואס ער האט גידארפט פאר דיא עבירה פאר ברענט ווערין. אונ דער תנא האט גזאגט דעם וואס קומט ביי בית דין צוויי ערליי מיתות. ווערט ער גימשפט מיט דיא שווערערע מיתה. אונ פאר ברענען איז אשווערער טויט וויא הרגנן מיט אשווערד דריבער איז דער מענטש אויך פאר ברענט גיווארין דורך דעם גיפט פון שלאנג:

טז פיסקא. הוו יודעין. רב יהודה דער זוהן פון רבי חייא הט גזאגט דריבער שטייט ביי קין דמי דיא פיל בלוטין; וייל ווען קין האט גיהרגת זיין ברודער הבל האט ער אים גימאכט ביילין אונ וואונדען וואס פון זייא איז ארויס גיגאנגען בלוט ווייל קין הט ניט גיוואוסט פון וועלכין ארט דיא נשמה גייט ארויס פון גוף. ביז ער האט אים גיעפינט דעם האלדז. נאך האט רב יהודה דער זוהן פון רבי חייא גזאגט פון דעם טאג וואס דיא ערד הט גיעפינט

ברי' דרבי חייא מיום שפתחה הארץ את פיה וקבלתו לדמו של הבל שוב לא פתחה שנא' (ישעיה כד) מכנף הארץ זמירות שמענו צבי לצדיק מכנף הארץ ולא מפי הארץ איתיביה הזקיה אחיו (במדבר טז) ותפתח הארץ את פיה א"ל לרעה פתחה לטובה לא פתחה

לכך נאמר דמי : בארץ נוד ולא כתיב נע שכיפרה לו גלותו דכתיב ויצא קין : שלשה דברים . חרב ורעב ודבר : לא יצלח . מוס הגלהה גבי יכניה מלך יהודה כתיב : על אלהו . להתיר לו גזירה שנשבע שלא יהיה לו בן והתירו לו פמליא של מעלה ושבועה כסיבא כבסיא

ואמר רב יהודה בריה דרבי חייא גלות מכפרת מחצה עון מעיקרא כתיב (בראשית ד) והייתי נע ונד ולבסוף כתיב וישב בארץ נוד:

יז אמר רב יהודה גלות מכפרת ג' דברים שנאמר (ירמיה כא) (כה אמר ה') היושב בעיר הזאת ימות בחרב וברעב ובדבר והיוצא (אל) [ונפל על] הכשדים [והצרים עליכם וחיה] והיתה לו נפשו לשלל (וחי). ר' יוחנן אמר גלות מכפרת על הכל שנאמר (שם כב) כה אמר ה' כתבו את האיש הזה ערירי גבר לא יצלח בימיו כי לא יצלח מזרעו איש יושב על כסא דוד ומושל עוד ביהודה ובתר דגלה כתיב (דה"א ג) ובני יכניה אסיר (בנו) שאלתיאל בנו . אסיר שעיברתו אמו בבית האסורים שאלתיאל ששתלו

איר מויל אונ האָט צו גינומען דיא בלוט פון הבל . האָט זיא שוין מער ניט גיעפינט דיא מויל . אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק פון דעם פליגול פון דיא ערד האָבען מיר גיהערט אַגיזאַנג צום צדיק וועט זיין דיא שיינקייט . פון דעם פליגול פון דיא ערד איז גיוועזען דער גיזאַנג . אָבער ניט פון דיא מויל פון דיא ערד . האָט חזקיה דער ברודער פון רב יהודה גיפרעגט צו רב יהודה . עס שטייט דאָך אין פסוק ביי קרח דיא ערד האָט גיעפינט איר מויל אונ האָט אים איין גישלונגען . האָט רב יהודה גזאָגט צו חזקיה צום שלעכטין האָט די ערד גיעפינט איר מויל . צו גוטין האָט זיא ניט גיעפינט איר מויל . נאָך האָט רב יהודה דער זוהן פון רבי חייא גזאָגט אַז איינער האָט גיטאָהן אַעבירה אונ ער איז פאַר טריבען גיוואָרין פון זיין אָרט . דאָס איז מכפר אויף אים אַהאַלבע עבירה . וואָרום ביי קין שטייט איך וועל זיין נע ונד נד איז דער טייטש פר וואגילט . ער וועט זיין פאַר וואַגילט [פאַר טריבען] פון זיין אָרט . נע איז דער טייטש שאָקלען . וואו ער איז גיגאַנגען האָט זיך דיא ערד גישאָקילט] דער נאָך וויא ער איז פאַר טריבען גיוואָרין פון זיין אָרט . שטייט ער איז גיזעסען אין לאַנד נוד . איז ער נאָר גיוועזען נד אונ ניט נע . דיא ערד האָט זיך שוין ניט גישאָקילט אונטער אים:

יז אָמַר : רב יהודה האָט גזאָגט אַז אַמענטש ווערט פאַר טריבען פון זיין אָרט . איז דאָס מכפר אויף דריי שלעכטע גזרות וואָס עס האָט אויף דעם מענטשין גידאַרפט קומען פר זיינע עבירות . אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק אַזוי האָט גאָט גזאָגט דער וואָס זיצט אין דיא שטאָט וועט שטאַרבען דורך דעם שווערד אונ דורך הונגער אונ דורך פעסט [מגפה] . אונ דער וואָס וועט אַרויס גיין פון שטאָט אונ וועט צו פאַלען צו די כשדים וואָס בעלאַגערין אויף אייך . וועט ער בלייבען לעבין . אונ ער וועט רעטין זיין נשמה . רבי יוחנן זאָגט דער מענטש וואָס ווערט פאַר טריבען פון זיין אָרט . איז דאָס מכפר אויף אַלע עבירות . אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק אַזוי האָט גאָט גזאָגט איר זאָלט פאַר שרייבען דעם מענטשין ער זאָל אייביג זיין אַליין . ער זאָל זיין אַמענטש וואָס ער זאָל קיין מאַהל ניט בגליקען . וואָרום פון זיינע קינדער וועט קיינער ניט בגליקען ער זאָל זיין אַמלך אונ זאָל זיצען אויף דעם שטוהל פון דוד אונ זאָל גיוועלטיגען אין יהודה . אונ דער נאָך וויא ער איז פאַר טריבען גיוואָרין שטייט אין פסוק אונ דיא קינדער פון יכניה איז גיוועזען אַסיר שאַלתיאל זיין זוהן . אַסיר האָט מען אים גירופען ווייל דיא מוטער איז מיט אים מעוברת גיוואָרין בבית האסורים . אין גיפיינקעניס . שאַלתיאל האָט מען אים גירופען ששתלו אל . ווייל גאָט האָט אים איין גיפלאַנצט ביי זיין מוטער אין בויך ניט וויא אַלע קינדער

פרשה דכתבו את האיש הזה בספר ירמיה : היה . מיפיון של ישראל : למקדש . של ישראל : ולאבן נגף . ממסר הגלות במגפת את הרגלים : ולצור מכשול . סלע מכשלה יהיה לשני בתי ישראל : בשבעים אותיות : בגימטריא : וישקוד . וימהר כמו כי שוקד אני ומתרגמינן מוחי : שהקדים . ומיהר גלות לדקיה שהיא אחרונה בעוד שגלות יכניה קיימת שעדיין לא מתו אותן שגלו לבבל עם יכניה שהיו חכמים

ששתלו אל שלא כדרך הנשתלין דבר אחר שאלתיאל שנשאל על אלתו אל . זרובבל שנזרע בבבל ומה שמו נחמיה בן חכליה שמו :

יה יהודה וחזקיה בני ר' חייא הוו יתבי בסעודתא קמיה דרבי ולא הוו קאמרי ולא מידי אמרי להו אגברו חמרא אדרדקי כי היכי דלימרו מלתא כיון דאיבסום פתחו ואמרו אין בן דוד בא עד שיכלו שתי בתי אבות מישראל אלו הן ראש גולה שבבבל ונשיא שבא"י שנאמר (ישעיה ח) והיה למקדש ולאבן נגף ולצור מכשול לשני בתי ישראל אמר להם בני קוצים אתם מטילים לי בעיני א"ל ר' חייא רבי אל ירע בעיניך יין ניתן בשבעים [אותיות] וסוד ניתן בשבעים (אותיות) נכנס יין יצא סוד אמר רב חסדא אמר מר עוקבא ואמרי לה אמר רב חסדא דרש מרי בר מר מ"ד (דניאל ט) וישקוד ה' על הרעה ויביאה עלינו כי צדיק ה' אלהינו משום דצדיק ה' וישקוד ה' על הרעה ויביאה עלינו אלא צדקה עשה הקב"ה עם ישראל שהקדים גלות צדקיה ועוד גלות יכניה קיימת דכתיב בגלות

וֶוערִין אַיין גִיפְלַאנְצְט . אַלֶע וַוייבֶּער קֶענֶען נִיט מְעוּבֶּרֶת וֶוערִין שְׁטֵייעֶנְדִיג . אוּנ זִי אִיז מְעוּבֶּרֶת גִיוָואהרִין שְׁטֵייעֶנְדִיג . אָדֶער מֶען קֶען זָאגִין דְרִיבֶּער הָאט מֶען גִירוּפֶען דֶעם זוּהן שְׁאַלְתִּיאֵל . וַוייל גָאט הָאט גִיפְּרֶעגְט אוֹיף זַיין שְׁבוּעָה מֶען זָאל אִים מַתִּיר זַיין . פְרִיעֶר הָאט גָאט גִישְׁוָוארִין אַז יְכָנְיָה זָאל נִיט הָאבֶּען קַיין קִינְד . דֶער נָאךְ הָאט גָאט גִימַאכְט עֶר זָאל יָא הָאבֶּען אַקִינְד . אוּנ דִיא מַלְאָכִים וָואס זֶענֶען אִין הִימֶעל הָאבֶּען מַתִּיר גִיוֶוען צוּ גָאט דִיא שְׁבוּעָה . זְרוּבָּבֶל הָאט מֶען אִים גִירוּפֶען וַוייל עֶר אִיז פַאר זַייט גִיוָוארִין אִין בָּבֶל . זַיין מוּטֶער אִיז מִיט אִים מְעוּבֶּרֶת גִיוָוארִין אִין בָּבֶל . אוּנ וִויא אִיז גִיוֶוען זַיין אֶכְטֶער נָאמֶען . נְחֶמְיָה בֶּן חֲכַלְיָה . זֶעהְן מִיר אַז דֶער נָאךְ וִויא יְכָנְיָה אִיז פַאר טְרִיבֶּען גִיוָוארִין הָט אִים גָאט מוֹחֵל גִיוֶוען זַיינֶע עֲבֵירוֹת . אוּנ עֶר הָאט אִים גִיגֶעבִּין אַזוּהן :

יח יְהוּדָה אוּנ חִזְקִיָה דִיא קִינְדֶער פוּן רַבִּי חִיָיא זֶענְעֶן גִיזֶעסִין בַּיי אַסְעוּדָה פַאר רַבִּי ; אוּנ זֵייא הָאבֶּען גָאר נִיט גִיזָאגְט קַיין תּוֹרָה בַּייא דֶער סְעוּדָה . הָאט רַבִּי גִיזָאגְט צוּא זַיינֶע בֶּעדִינֶערְס אִיר זָאלְט גֶעבִּין דִיא קִינְדֶער [יְהוּדָה אוּנ חִזְקִיָה] נָאךְ וַויין צוּא טְרִינְקֶען . זֵייא זָאלִין פְרֵיילַאךְ וֶוערִין וֶועלִין זֵייא עֶפֶּעס זָאגִין ; וִויא זֵייא זֶענֶען גִיוָוארִין פְרֵייאלַאךְ אוּנ אַבִּיסֶעל שִׁכּוֹר אוֹיךְ . הָאבֶּען זֵייא אָן גִיהוֹיבֶּען צוּ זָאגִין מָשִׁיחַ וֶועט אַנְדֶערְשׁ נִיט קוּמֶען בִּיז דִי צְווֵיי פַאמִילְיֶעס וֶועלִין פַאר לֶענְדְט וֶוערִין פוּן דִיא יוּדִין . דָאס זֶענֶען דִיא צְווֵיי פַאמִילְיֶעס . דֶער גְרֶעסְטֶער פוּן דִיא פַאר טְרִיבֶּענֶע יוּדִין וָואס זֶענֶען אִין בָּבֶל [מֶען רוּפְט אִים רֹאשׁ גוֹלָה . אָדֶער רֵישׁ גָלוּתָא] . אוּנ דֶער נָשִׂיא וָואס אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל . וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וְהָיָה לְמִקְדָּשׁ וּלְאֶבֶן נֶגֶף וּלְצוּר מִכְשׁוֹל לִשְׁנֵי בָּתֵּי יִשְׂרָאֵל . דֶער מָשִׁיחַ וֶועט זַיין אַהֵיילִיגְקַייט צוּ יוּדִין אוּנ אַשְׁטֵיין פוּן שְׁטְרוֹיכְלוּנְג . אוּנ צוּא אַפֶּעלְזִין פוּן שְׁטְרוֹיכְלוּנְג וֶועט עֶר זַיין . צוּ דִיא צְווֵיי הַייזֶער פוּן יוּדִין [דִיא צְווֵייא הַייזֶער . דֶער רֹאשׁ גוֹלָה פוּן בָּבֶל אוּנ דֶער נָשִׂיא פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועלִין גִישְׁטְרוֹיכֶעלְט [פַאר לֶענְדְט] וֶוערִין דוּרְךְ מָשִׁיחַ . הָאט רַבִּי גִיזָאגְט צוּ יְהוּדָה אוּנ חִזְקִיָה מַיינֶע קִינְדֶער אִיר וַוארְפְט מִיר דֶערְנֶער אִין דִיא אוֹיגֶען [וָוארוּם רַבִּי אִיז גִיוֶוען דֶער נָשִׂיא פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל] ; הָאט רַבִּי חִיָיא גִיזָאגְט צוּ רַבִּי זָאל דִיךְ דִיא רֵייד נִיט פַאר דְרִיסֶען דֶער וָוארְט יַיִן בַּטְרֶעפְט זִיבֶּעצִיג . אוּנ דֶער וָוארְט סוֹד בַּטְרֶעפְט אוֹיךְ זִיבֶּעצִיג ; אַז וַויין גֵייט אַרַיין גֵייט אַרוֹיס דֶער סוֹד . רַב חִסְדָא הָאט גִיזָאגְט פוּן מַר עוּקְבָאס וֶועגִין . אַנְדֶערֶע זָאגִין רַב חִסְדָא הָאט גִיזָאגְט מָרִי בַּר מַר הָאט גִידַרְשֶׁעט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט הָאט גִיאַיילְט אוֹיף דִיא שְׁלֶעכְץ אוּנ עֶר הָאט זִיא גִיבְּרַאכְט אוֹיף אוּנְז וָוארוּם גָאט אִיז אַצַדִיק ; אִיז דָאךְ אַקַשְׁיָא וַוייל גָאט אִיז אַצַדִיק דְרִיבֶּער הָאט עֶר גִיאַיילְט צוּ בְּרֵיינְגֶען אוֹיף אוּנְז דִיא שְׁלֶעכְץ . נָאר גָאט הָאט גִיטָאהן

בגלות יכניה (מ״ב כד) החרש והמסגר אלף חרש כיון שפותחין הכל נעשו כחרשין כסגר כיון שסוגרין בהלכה שוב אין פותחין וכמה היו אלף עולא אמר שהקדים שתי שנים לונושנתם אמר רב ארא בר יעקב ש״מ מהרה דמרי עלמא תמני מאה וחמשין ותרתין הוו :

יט [פיסקא לפיכך כו׳] ת״ר אדם י חידי נברא מפני מה שלא יהיו המינים אומרים הרבה רשויות בשמים ד״א מפני הצדיקים ומפני הרשעים שלא יהיו צדיקים אומרים אנו בני צדיק ורשעים אומרים

בתורה ולמדוה לבני גולה באחרונה : פותחין : בתורה : כחרשין. קרי ביה כחרש : כיון שסוגרין. דבר הלכה הנעלמת מהן . אין לה פותחין אחרים : עולא אמר . צדקה של הקב״ה היינו שהקדים חרבן של מקדש ב׳ שנים לגמטריא דונושנתם דהיינו תמניא מאה וחמשין ותרתין והוה גלו לסוף שמונה מאות וחמשים שנכנסו לארץ דכתיב ויהי בשמונים שנה וארבע מאות שנה וגו׳ ומימי בית ראשון ארבע מאות ועשר הרי שמונה מאות ותשעים לא מהם ארבעים שנה ששהו במדבר הרי ח׳ מאות וחמשים ולמעלה (היו ממתינין) והיה ממתין עד ונושנתם היה מתקיים בהם כי אבד תאבדון מהר והשמד תשמדון דכתיב בההיא פרשתא: מהרה דמרי עלמא כו׳ . דהוא גימטריא דונ״ו שנים וקרי ליה אבד תאבדון מהר והקדמה דשתי שנים צדקה היתה :

אם בני צדיק . אבינו צדיק נברא לפיכך אנו צדיקים ואין אנו צריכין להתרחק מן העבירה כי לא נכשל

אַצדָקָה מיט דיא יודין וואס ער האט פאר טריבען צדקיהו מיט דיא איבעריגע יודין אין בָבֶל • ווען דיא יודין וואס זענען פאר טריבען געווארין מיט יְכָנְיָה האבען נאך געלעבט אין בָבֶל • וואָרום מיט יְכָנְיָה זענען פאר טריבען געווארין אין בָבֶל דיא גרעסטע לומדים פון יודין · אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ביי דיא פאר טריבענע פון יְכָנְיָה הֶחָרָשׁ וְהַמַסְגֵר אֶלֶף · חָרָשׁ האט מען זייא גירופען ווייל אז זייא האבען גיעפינט דיא מויל אונ האבען אָן גיהויבען צוא ריידין תּוֹרָה זענען אלע שטום גיווארין אזוי וויא זייא וואלטין געווען טויב אונ שטום : מַסְגֵר האט מען דיא גירופען אז זייא האבען פאר שלאסען אַדין · זייא האבען גזאגט אזוי איז דער דין · האט שוין קיינער ניט גיעפינט דעם דין צו זאגין דער דין איז ניט אזוי · זייא זענען גיוועזען טויזענד אונ אז גאט וואלט גיווארט ביז דיא יודין פון יְכָנְיָה וואלטין גישטארבין אין בָבֶל · דער נאך וואלט ער גיבראכט צדקיהו מיט דיא יודין אין בָבֶל · ווער וואלט גילערינט תּוֹרָה מיט דיא יודין וואס זענען שפעטער פאר טריבען געווארין מיט צדקיהו · עולא זאגט דיא צְדָקָה פון גאט איז גיוועזען וואס ער האט פאר טריבען דיא יודין צוויי יאהר פאר וְנוֹשַׁנְתֶּם · וואָרום אין פסוק שטייט וְנוֹשַׁנְתֶּם בָּאָרֶץ · אז איר וועט זיין אין לאנד אזוי פיל יאהר וויא דער ווארט וְנוֹשַׁנְתֶּם בטרעפט ודאס איז אַכט הונדערט צוויי אונ פופציג יאהר) אונ איר וועט דינען עֲבוֹדָה זָרָה · וועט איר געשווינד פאר לארין ווערין · אונ אז גאט וואלט גיווארט ביז וויא פיל וְנוֹשַׁנְתֶּם בטרעפט · וואלטין דיא יודין גימוזט פאר לענדט ווערין · דריבער האט זייא גאט פאר טריבען מיט צוויי יאהר פריער זייא זאלין ניט פאר לענדט ווערין · רב אחא בר יעקב זאגט פון דאנען זעהן מיר אז גאט זאגט געשווינד · דווערט דאס אַכט הונדערט מיט צוויי אונ פופציג יאהר · וואָרום גאט האט גזאגט זיי וועלין פאר לארין ווערין געשווינד · אונ דם האט גידארפט דווערין אזוי פיל יאהר וויא דער ווארט וְנוֹשַׁנְתֶּם בטרעפט :

יט פיסקא. לפיכך : דיא רבנן האבען גילערונט דריבער איז אָדָם הָרִאשׁוֹן באשאפען גיווארין איינער · דיא אַפִּקוֹרְסִים זאלין ניט זאגין אין הימעל איז דא פיל געטער · וואָרום אז אין אנהייב וואלטין באשאפען גיווארין עטליכע מענטשין מיט אמאהל · וואלטין דיא אַפִּקוֹרְסִים זאגין אין הימעל איז דא עטליכע געטער · יעדער גאט האט באשאפען איין מענטש · אנדערע זאגין דריבער איז אָדָם הָרִאשׁוֹן באשאפען גיווארין איינער · פון וועגין דיא צַדִיקִים אונ רְשָׁעִים · וואָרום אז אין אנהייב וואלטין באשאפען גיווארין צווייא מענטשין · וואלט מען זאגין איינער איז גיוועזען אצדיק זענען פון אים גיבארין גיווארין צַדִיקִים · דער אנדערער איז גיוועזען ארשע זענען פון אים גיבארין גיווארין רְשָׁעִים · דיא צַדִיקִים וועלין זאגין מיר זענען גיבארין גיווארין פון דעם צדיק · דארפין מיר אונז ניט דער ווייטערין פון עֲבֵירוֹת · וואָרום מיר וועלין ניט גישטרויכלט ווערין אין אַעֲבֵירָה ווייל פון אונזער נאטור מוזין מיר בלייבען צַדִיקִים · אונ די רְשָׁעִים וועלין זאגין מיר זענען גיבארין גיווארין פון דעם רָשָׁע · דארפין מיר ניט מאהן תְּשׁוּבָה אונ זעהן פרוב

אומרים אנו בני רשע דבר אחר מפני המשפחות שלא יהיו משפחות מתגרות זו בזו ומה עכשיו שנברא יחידי מתגרות אם נבראו שנים עאכ"ו ד"א מפני הגזלנים ומפני החמסנים ומה עכשיו שנברא יחידי גוזלים וחומסים אם נבראו שנים עאכ"ו:

ב ופיסקא ולהגיד גדולתו וכו'. תנו רבנן] ולהגיד גדולתו של מלך מלכי המלכים הקב"ה שאדם טובע כמה מטבעות בחותם אחד וכולן דומין זה לזה אבל הקב"ה טובע כל אדם בחותמו של אדם הראשון ואין אחד מהם דומה להברו שנאמר (איוב לח) תתהפך כחומר חותם ויתיצבו כמו לבוש ומפני מה אין פרצופין דומין זה לזה שלא יראה אדם דירה נאה ואשה נאה ויאמר שלי הוא שנאמר (שם) וימנע מרשעים אורם וזרוע רמה תשבר. תניא היה

נכשל בה: אנו בני רשע. ואין אנו זקוקין בתשובה ולהצטדק כי לא יועיל: אם נבראו שנים. יאמרו זה לזה אבא גדול מאביך: הגזלנים והחמסנים. שיאמרו קרקע זה לבני אבינו הראשון היתה ולא לבני אביכם:

תתהפך כחומר חותם. לאחר מיתתו של אדם מתהפך חותם שלו לחומר ויתיצבו כמו לבוש בתחיית המתים ומדקרי לה חותם ש"מ בחותם הן טבועין: ויאמר שלי הוא. ואין אדם מכחישו הואיל ואין היכר ביניהן: וימנע מרשעים אורם. קלסתר פניו ומתוך כך שלא יהא קלסתר פנים דומה לשל הבירים וזרוע רמה תשבר שאין יכול לומר שלי

צו זיין. ווארום עס וועט אונז ניט העלפין. ווייל פון אונזער נאטור מוזין מיר שוין בלייבען רשעים. אנדערע זאגין דריבער איז אדם הראשון בשאפען געווארין איינער. עס זאל ניט זיין קיין קריג ביי דיא משפחות. ווארום מאדאך איצט אז דיא גאנצע וועלט איז גיבארין געווארין פון איין מענטש. קריגען זיך דיא משפחות. דיא משפחה זאגט איך בין מער יחסן פון דיר. און דיא משפחה זאגט איך בין מער יחסן פון דיר. אז עס וואלט אין אנהייב בשאפען געווארין צוויי מענטשין. וואלט געווים געוועזן קריג. דער וואלט זאגין מיין פאטער איז געוועזן גרעסער פון דיין פאטער. און דער וואלט זאגין מיין פאטער איז געוועזן גרעסער פון דיין פאטער. אנדערע זאגין דריבער איז אדם הראשון בשאפען געווארין איינער. דורך דיא גזלנים. מאדאך איצט אז דיא גאנצע וועלט איז גיבארין געווארין פון איין מענטש. גזלת מען און מען רויבט איינער פון אנדערין. אז עס וואלט אין אנהייב בשאפען געווארין צוויי מענטשין. וואלט געווים גיגזלת איינער ביי דעם אנדערין. ווארום יעדער וואלט זאגין די פעלד האט גאט גיגעבין צוא מיין ערשטין פאטער:

ב פיסקא. ולהגיד גדולתו. דיא רבנן האבען גילערנט דריבער איז בשאפען געווארין אדם הראשון איינער צו זאגין דיא גרויסקייט פון גאט. אז א מענטש מאכט פיל מטבעות אין איין פארעם, מוזין אלע מטבעות האבען איין צורה. און מוזין זיין גלייך איינע צו די אנדערע. און גאט האט בשאפען אלע מענטשין פון אדם הראשון. ווארום אלע מענטשין זענען גיבארין געווארין פון אדם הראשון. און איין מענטש איז ניט גלייך צום אנדערין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק תתהפך כחומר חותם. אז דער מענטש שטארבט ווערט פון די חתימה זיינע אשטיק ליים. ויתיצבו כמו לבוש. און אז דיא מתים וועלין לעבעדיג ווערין וועט יעדער אויף שטיין אין דיא זעלבינע קליידער וואס ער איז גיוועזן אן גיקליידט ווען מען האט אים בגראבין. זאגט דיא גמרא און פאר וואס איז אין אמת ניט גלייך דיא פנימער פון אלע מענטשין איינער צום אנדערין. ווארום אז אלע מענטשין וועלין האבען איין פנים. און מען וועט ניט דער קענען צווישען איין מענטש און דעם אנדערין. וועט איינער זעהן ביי דעם אנדערין א שיינע וואוהנונג ואדער אין אנדער זאך). וועט ער זאגין דאס איז זיינע. און דער אנדערער וועט ניט קענען ברייגען עדות אז דאס איז זיינע. ווארום דיא עדות קענען אויך ניט וויסען צו וועמען די פעלד גיהער. ווייל דיא ביידע מענטשין זעהן גלייך אוים. אדער עס וועט אים געפעלין זיין חברס ווייב. וועט ער זאגין זיא איז זיינע. און זיא אליין וועט אויך ניט דער קענען וועלכער איז איר מאן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וימנע מרשעים אורם. דורך דיא רשעים האט גאט פר מיטען דיא ליכטיגקייט פון פנים. עס זאל ניט זיין גלייך איין פנים צום אנדערין. דיא הויכע

היה ר' מאיר אומר בשלשה דברים אדם משתנה מחברו בקול במראה ובדעת. בקול ובמראה משום ערוה. ובדעת מפני הגזלנים והחמסנים:

כא ת"ר אדם נברא בערב שבת ומפני מה שלא יהו מינים אומרים שותף היה לו להקב"ה במעשה בראשית. ד"א שאם תזוח דעתו עליו אומרים לו יתוש קדמך במעשה בראשית. ד"א כדי שיכנס למצוה [מיד]. ד"א כדי שיכנס לסעודה מיד משל למלך בשר ודם שבנה פלטרין ושכללן והתקין סעודה ואח"כ הכניס אורחים שנא' (משלי ט) חכמות בנתה ביתה וגו' טבחה טבחה וגו' שלחה נערותיה תקרא וגו' חכמות בנתה זו מדתו של הקב"ה שברא את כל העולם כולו בחכמה. חצבה עמודיה שבעה אלו שבעת ימי בראשית. טבחה טבחה מסכה יינה אלו ימים ונהרות וכל צרכי עולם. אף ערכה שלחנה אלו אילנות ודשאים. שלהה נערותיה תקרא זה אדם וחוה

פירוש

הוא: משום ערוה. שלא יתחלף לאשה כבעלה לא ביום מפני המראה ובלילה מפני הקול: ובדעת מפני הגזלנין. אם יודע מה בלב חבירו יחפש [מלפוניו] ויודע היכן ממונו:

שלא יאמרו המינים שותף היה אדם במעשה בראשית לפיכך קדמו לו כולם: למצוה. שבת: ליכנס לסעודה מיד. שימצא הכל מוכן ויאכל מאשר

האָט דיא שְׁטאַרְקֶע פוּן דֶעם רָשָׁע זָאל צוּ בְּרָאכֶען וֶוערִין. עֶר זָאל נִיט קֶענֶען גַזְלֶנֶען. מִיר הָאבֶּן גִילֶערוּנְט רַבִּי מֵאִיר זָאגְט מִיט דְרַיי זַאכֶען אִיז גִיעֶנְדֶערְט אֵיין מֶענְטְשׁ פוּן אַנְדֶערִין: מִיט דֶער שְׁטִימֶע זַיינֶע: מִיט דֶעם אוֹיס זֶעהְן. אוּנ מִיט דֶעם שֵׂכֶל. מִיט דֶער שְׁטִימֶע אוּנ מִיט דֶעם אוֹיס זֶעהְן אִיז מֶען גִיעֶנְדֶערְט גִיוָוארִין דוּרְךְ זְנוּת: וָוארוּם אַז אַלֶע מֶענְטְשִׁין וֶועלִין הָאבֶּען אֵיין שְׁטִימֶע אוּנ וֶועלִין גְלַייךְ אוֹיס זֶעהְן. וֶועט אַמַאן נִיט דֶער קֶענֶען זַיין ווַייבּ. אוּנ אַוַוייבּ וֶועט נִיט דֶער קֶענֶען אִיר מַאן. וֶועלִין אַלֶע מְזַנֶה זַיין. אוּנ אִין שֵׂכֶל אִיז מֶען גִיעֶנְדֶערְט גִיוָוארִין. דוּרְךְ דִי גַזְלָנִים אוּנ דִי רוֹיבֶּערְס. וָוארוּם אַז אַלֶע וָואלְטִין הָאבֶּען אֵיין שֵׂכֶל: וָואלְט אַלֶע מֶענְטְשִׁין גִיפֶעלִין אֵיין זַאךְ. לְמָשָׁל אֵיינֶעם וָואלְט גִיפֶעלִין דִיא אִשָּׁה: וואָלְט אַלֶעמֶען גִיפֶעלִין דִיא אִשָּׁה. וָואלְט מֶען זִיךְ קְרִיגֶען אוּנ אֵיינֶער וָואלְט זִיא אַוֶועק גִינוּמֶען פוּן אַנְדֶערִין: אָבֶּער אַז דֶער שֵׂכֶל פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ אִיז נִיט גְלַייךְ צוּ דֶעם שֵׂכֶל פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ. אֵיינֶעם גִיפֶעלְט דִי אִשָּׁה. דֶעם אַנְדֶערִין גִיפֶעלְט זִי נִיט. אִים גִיפֶעלְט גָאר אַ'ן אַנְדֶערֶע אִשָּׁה. דֶער נֶעמְט דִי אוּנ דֶער נֶעמְט דִיא. אוּנ אַזוֹי אִיז בַּיי אַלֶע זַאכֶען:

כא תָּנוּ רַבָּנָן. דִי רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערוּנְט אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז בַּשַׁאפֶען גִיוָוארִין עֶרֶב שַׁבָּת: פאַר וָואס אִיז אָדָם נִיט בַּשַׁאפֶען גִיוָוארִין בַּאלְד דֶעם עֶרְשְׁטִין טָאג. דִיא אַפִּיקוֹרְסִים זָאלִין נִיט זָאגִין גָאט הָט גִיהַאט אַשׁוּתָּף צוּ אַלֶע זַאכֶען וָואס עֶר הָאט בַּשַׁאפֶען. דְרִיבֶּער אִיז אַלֶץ בַּשַׁאפֶען גִיוָוארִין פְרִיעֶר אֵיידֶער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בַּשַׁאפֶען גִיוָוארִין. אָדֶער מֶען קֶען זָאגִין דְרִיבֶּער אִיז אָדָם בַּשַׁאפֶען גִיוָוארִין צוּם לֶעצְטִין. אוֹיבּ עֶר וֶועט בַּיי זִיךְ גְרוֹיס וֶוערִין. וֶועט מֶען אִים זָאגִין אַפְלִיג אִיז פְרִיעֶר בַּשַׁאפֶען גִיוָוארִין אִין דִיא עֶרְשְׁטֶע זֶעקְס טֶעג וִויא דוּא. אָדֶער דְרִיבֶּער אִיז אָדָם בַּשַׁאפֶען גִיוָוארִין צוּם לֶעצְטִין. עֶר זָאל בַּאלְד הָאבֶּען אַמִצְוָה פוּן שַׁבָּת. אָדֶער דְרִיבֶּער אִיז אָדָם בַּשַׁאפֶען גִיוָוארִין צוּם לֶעצְטִין. עֶר זָאל בַּאלְד הָאבֶּען וָואס צוּ עֶסִין. לְמָשָׁל אַמֶלֶךְ הָאט פְרִיעֶר גִיבּוֹיאהט אַפַּאלַאסְט אוּנ הָאט אִים אוֹיס גֶעצִירְט אוּנ הָאט פֶערְטִיג גִימַאכְט אַסְעוּדָה דֶער נָאךְ הָאט עֶר גִיבֶּעטִין דִיא גֶעסְט זֵייא זָאלִין קוּמֶען עֶסִין: אַזוֹי הָאט גָאט גִיטָאהן עֶר הָט גִיבּוֹיאהט אַוֶועלְט אוּנ הָט אִיר אוֹיס גֶעצִירְט אוּנ הָאט אַלֶץ בַּשַׁאפֶען צוּם עֶסִין. דֶער נָאךְ הָאט עֶר בַּשַׁאפֶען דֶעם מֶענְטְשִׁין. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק חָכְמוֹת בָּנְתָה בֵּיתָהּ. דִיא הַכְמָה הָאט גִיבּוֹיאהט אַהוֹיז. דָאס מֵיינְט מֶען גָאט. עֶר הָט בַּשַׁאפֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט חָכְמָה. זִי הָאט אוֹיס גִיהַאקְט זִיבֶּען זַיילִין. דָס מֵיינְט מֶען דִיא זִיבֶּען טֶעג וָואס אִין זֵייא אִיז דִיא וֶועלְט בַּשַׁאפֶען גִיוָוארִין. זִיא הָאט גִישַׁאכְטִין אִיר שֶׁעכְטוּנג אוּנ הָאט גִיגָאסֶען אִיר וַויין. דָאס מֵיינְט מֶען דִיא יַמִים אוּנ טַייכֶען אוּנ אַלֶע בַּדֶערְפֶענִישׁ פוּן דֶער וֶועלְט וָואס גָאט הָאט בַּשַׁאפֶען. זִיא הָאט אָן גִיבְּרֵייט אִיר טִישׁ. דָאס מֵיינְט מֶען דִיא אַלֶע עֶרְלֵיי בּוֹימֶער אוּנ גְרָאזִין וָואס גָאט הָט בַּשַׁאפֶן.

יתפוך: גפי. מקום גבוה: לבסוף. שסרח נטרד: מי פתי יסור הנה. בתריה דהאי קרא כתיב מי פתאו לזה שיסור הנה לאכול מן העץ: חסר לב אמרה לו. כאשה שהיא חסר לב אמרה לו: גלמי ראו עיניך. מכל מראה עיניך נגלמתי והיינו כל העולם כדכתיב בזכריה עיני ה' משוטטים בכל הארץ:

גופו מבבל. על שם שהיא עמוקה נראה שמשם לוקח ולכך נעשה מגולה: וראשו מא"י. שהיא [גבוה] החשובה מכל הארצות: ואיבריו. ידיו ורגליו: משאר ארצות. מכל העולם כדלעיל: מאקרא דאגמא. (בבל) [בבבל] הוא וזוא

והוה. על גפי מרומי קרת רבה בר בר חנה רמי כתיב על גפי וכתיב על כסא בתחלה על גפי ולבסוף על כסא. מי פתי יסור הנה חסר לב אמרה לו אמר הקב"ה מי פתאו לזה אשה אמרה לו דכתיב (משלי ו) נואף אשה חסר לב. [תניא] היה ר"מ אומר אדם הראשון מכל העולם כולו הוצבר עפרו שנאמר (תהלים קלט) גלמי ראו עיניך וכתיב (זכריה ד) עיני ה' המה משוטטים בכל הארץ:

כב אמר רב אושעיא משמיה דרב אדם הראשון (דף ס ע"ב) גופו מבבל ראשו מארץ ישראל ואיבריו משאר ארצות עגבותיו א"ר (יוחנן) [אחא] מאקרא דאגמא. א"ר (אחא) [יוחנן] בר' חנינא שתים עשרה שעות הוי היום שעה ראשונה הוצבר עפרו שניה נעשה גולם שלישית נמתחו איבריו רביעית נזרקה בו נשמה חמישית עמד על רגליו ששית קרא שמות שביעית נזדווגה לו חוה שמינית עלו למטה שנים וירדו ארבעה תשיעית נצטוה שלא לאכול מן האילן

דער נאך האט זיא געשיקט אירע יונגפרויען רופען. דאס מיינט מען אדם אונ חוה. על גפי מרומי קרת. זייא זאלין זיצען אויף דיא העכסטע ערטער פון שטאט. רבה בר בר חנה האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט על גפי. אונ אין איין פסוק שטייט על כסא. אין אנהייב איירער אדם האט געזינדיגט האט גאט אים גיוואלט זעצין אויף דעם העכסטין ארט פון דער וועלט. דער נאך וויא ער האט געזינדיגט האט גאט אים נאר גיזעצט אזוי וויא אויף אשטוהל. מי פתי יסור הנה. גאט האט גיפרעגט ווער האט אן גירעט אדם ער זאל אפ קערין אהער צום עץ הדעת. חסר לב אמרה לו. דיא ווייב זיינע האט אים אן גירעט. זיא האט גיזאגט צו אים אז ער וועט ניט עסין פון עץ הדעת וועט ער זיין אחסר לב. וועט אים פעלין דער פאר שטאנד פון הארץ. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נואף אשה חסר לב, דער וואס איז מזנה מיט אאשה וייל זיא האט אים אן גירעט ער זאל מיט איר מזנה זיין. פעלט אים דער פאר שטאנד פון הארץ. מיר האבען גילערנט רבי מאיר זאגט ווען גאט האט גיוואלט בשאפען אדם הראשון האט ער צו זאמען גינומען ערד פון דער גאנצער וועלט אונ הט גימאכט דעם מענטש. אזוי וי עס שטייט אין פסוק גלמי ראו עיניך. מיין גוף איז גימאכט גיווארין פון די ערד וואס דיינע אויגען האבען גיזעהן. אונ די אויגין פון גאט זעהן דאך די גאנצע וועלט. אזו וי עס שטייט אין פסוק די אויגן פון גאט שוועבין אויף די גאנצע וועלט:

כב אמר. רב אושעיא הט גיזאגט פון רבס וועגין דער גוף פון אדם הראשון איז גימאכט גיווארין פון דיא ערד וואס אין בבל. דער קאפ איז גימאכט גיווארין פון די ערד וואס אין ארץ ישראל. די הענט מיט די פיס זענען גימאכט גיווארין פון דיא ערד וואס אין אנדערע לענדער. רבי אחא זאגט דיא ערוה איז גימאכט גיווארין פון דיא ערד וואס אין אקרא דאגמא. רבי יוחנן ברבי חנינא זאגט דער טאג איז צוועלף שעה. דיא ערשטע שעה פון טאג האט גאט פר זאמולט דיא ערד. אין דיא אנדערע שעה איז פון דיא ערד גיווארין אקערפער. אין דיא דריטע שעה זענען גיווארין דיא גלידער: אין דיא פערטע שעה איז ארין גיקומען אין אים אנשמה. אין דיא פינפטע שעה האט ער זיך גישטעלט אויף דיא פיס. אין דיא זעקסטע שעה האט ער נירופען נעמען צו אלע זאכען וואס עס איז דא אויף דער וועלט. אין דיא זיבעטע שעה איז בשאפען גיווארין חוה. אונ איז בהעפט גיווארין צו אדם. אין דיא אכטע שעה זענען זייא ארויף גיגאנגען אויף דעם בעט צוויי. אדם אונ חוה. אונ זענען אראפ גענידערט פיר. אדם אונ חוה. קין אונ הבל זייערע קינדער. אין דיא נייטע שעה איז אדם פאר באטין גיווארין ער זאל ניט עסין פון

האילן עשירית סרח י"א נידון י"ב נטרד והלך לו שנאמר (תהלים מט) אדם ביקר בל ילין. אמר רמי בר חמא אין חיה רעה שולטת באדם אלא א"כ נדמה לו כבהמה שנאמר (שם) נמשל כבהמות נדמו:

עמוק מאד: בל ילין. לינת לילה: עד זקנה. כל ימיו אסבלנו: ולי מה יקרו רעיך אל. בהר גלמי ראו עיניך כתיב באותו מזמור וביצירת אדם מדבר (רש"י):

כג אמר רב יהודה אמר רב בשעה שבקש הקב"ה לבראות את האדם ברא כת אחת של מלאכי השרת אמר להם רצונכם (בראשית א) נעשה אדם בצלמנו אמרו לפניו רבש"ע מה מעשיו אמר להם כך וכך מעשיו אמרו לפניו רבש"ע (תהלים ח) מה אנוש כי תזכרנו ובן אדם כי תפקדנו הושיט אצבעו הקטנה ביניהם ושרפם וכן כת שניה כת שלישית אמרה לפניו רבש"ע ראשונים שאמרו לפניך מה הועילו כל העולם כולו שלך הוא כל מה שאתה רוצה לעשות בעולמך עשה כיון שהגיע (לדור) ולאנשי המבול ואנשי דור הפלגה שמעשיהם מקולקלים אמרו לפניו רבש"ע לא יפה אמרו הראשונים לפניך אמר להם (ישעיה מו) ועד זקנה אני הוא ועד שיבה אני אסבול:

(אמר רב יהודה אמר רב אדם הראשון מסוף העולם ועד סופו היה וכו' עד אידי ואידי חדא מדה היא כדכתיב לעיל חגיגה פרק ב'):

כד אמר רב יהודה אמר רב אדם הראשון בלשון ארמי סיפר שנאמר (תהלים קלט) ולי מה יקרו רעיך אל והיינו דאמר ריש לקיש מאי דכתיב (בראשית ה) זה

עץ הַדַעַת. אִין דִיא צֶעהֶנְטֶע שָׁעָה הָאט עֶר גֶעזִינְדִיגְט אוּנ הָאט גִיגֶעסִין פוּן עֵץ הַדַעַת. אִין דִי עֶלְפְטֶע שָׁעָה הָאט אִים גָאט גֶעמִשְׁפָּט. אִין דִיא צְווֶעלְפְטֶע שָׁעָה הָאט מֶען אִים אַרוֹיס גֶעטְרִיבֶּען פוּן גַן עֵדֶן. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אָדָם בִּיקָר בַּל יָלִין. אָדָם הָאט נִיט גִינֶעכְטִיגְט אִין דִי טֵייעֶרְקַייט. אִין דֶעם טֵייעֶרִין גַן עֵדֶן. רָמִי בַּר חָמָא הָט גְזָאגְט אַשְׁרֶעכְטֶע חַיָה גִיוָועלְטִיגְט נִיט אוֹיף אַמֶענְטְשִׁין. סַיידִין דִי חַיָה מֵיינְט אַז דָאס אִיז אַבְּהֵמָה. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק נִמְשַׁל כַּבְּהֵמוֹת נִדְמוּ. וֶוען גִיוָועלְטִיגְט דִי חַיָה אוֹיף דֶעם מֶענְטְשִׁין. אַז דֶער מֶענְטְשׁ זֶעהט אוֹיס בַּיי דִי חַיָה (דִי חַיָה מֵיינְט) אַז עֶר אִיז אַבְּהֵמָה:

כג אָמַר. רַב יְהוּדָה הָאט גְזָאגְט פוּן רַבְּס וֶועגִין וֶוען גָאט הָאט גִיוָואלְט בַּשַׁאפֶען דֶעם מֶענְטְשׁ. הָאט עֶר בַּשַׁאפֶען פְרִיעֶר אַקָאמְפַּאנְיֶע מַלְאָכִים. אוּנ גָאט הָאט גְזָאגְט צוּ דִיא מַלְאָכִים אִיר ווִילְט מִיר זָאלִין מַאכֶען אַמֶענְטְשִׁין אִין אוּנְזֶער בִּילְד. הָאבֶען דִיא מַלְאָכִים גְזָאגְט פַר גָאט: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ טְאהְן אוֹיף דֶער וֶועלְט. הָאט גָאט גְזָאגְט צוּ דִי מַלְאָכִים אַזוֹי אוּנ אַזוֹי וֶועט עֶר טְאהְן: הָאבֶען דִי מַלְאָכִים גְזָאגְט פַר גָאט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס אִיז דֶער מֶענְטְשׁ דוּא זָאלְסְט אִים דֶער מַאנֶען. אוּנ וָואס אִיז דֶער מֶענְטְשׁ דוּ זָאלְסְט אִים גִידֵיינְקֶען. הָט גָאט אַרַיין גִישְׁטֶעקְט זַיין קְלֵיינֶעם פִינְגֶער צְווִישֶׁען דִי מַלְאָכִים אוּנ עֶר הָאט זֵייא פַאר בְּרֶענְט. דִי אַנְדֶערֶע קָאמְפַּאנְיֶע מַלְאָכִים הָאבֶען אוֹיךְ אַזוֹ גְזָאגְט הָט זֵיי גָאט אוֹיךְ פַאר בְּרֶענְט. דִיא דְרִיטֶע קָאמְפַּאנְיֶע מַלְאָכִים הָאבֶען גְזָאגְט פַר גָאט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם דִיא עֶרְשְׁטֶע מַלְאָכִים וָואס הָאבֶען גְזָאגְט פַר דִיר דוּ זָאלְסְט דֶעם מֶענְטְשִׁין נִיט בַּשַׁאפֶען. וָוס הָאבֶען זֵייא גִיהָאלְפֶען מִיט זֵייעֶרֶע רֵייד: דִיא גַאנְצֶע וֶועלט אִיז דַיינֶע. אַלְץ וָואס דוּ ווִילְסְט טְאהְן אִין דַיין וֶועלְט טוּה. הָאט גָאט בַּשַׁאפֶען דֶעם מֶענְטְשִׁין. ווִיא מֶען אִיז גִיקוּמֶען צוּ דִי מֶענְטְשִׁין פוּן מַבּוּל אוּנ צוּ דִיא מֶענְטְשִׁין פוּן דוֹר הַפְלָגָה וָואס זֵייא הָאבֶען גֶעזִינְדִיגְט. הָט דִיא דְרִיטֶע קָאמְפַּאנְיֶע מַלְאָכִים גְזָאגְט פַר גָאט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבֶען דִי עֶרְשְׁטֶע מַלְאָכִים נִיט גוּט גְזָאגְט פַר דִיר דוּ זָאלְסְט דֶעם מֶענְטְשִׁין נִיט בַּשַׁאפֶען. הָט גָאט גְזָאגְט צוּ דִי מַלְאָכִים בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט אַלט וֶוערִין מוּז אִיךְ פוּן אִים לֵיידִין. אָבֶּער אוֹיף דֶער עֶלְטֶער טוּהט עֶר תְּשׁוּבָה:

כד אָמַר. רַב יְהוּדָה הָאט גְזָאגְט פוּן רַבְּס וֶועגִין אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט גִירֶעט דִיא אַרַמִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וְלִי מַה יָּקְרוּ רֵעֶיךָ אֵל. דִיא עֶרְשְׁטֶע אוֹתִיוֹת

זה ספר תולדות אדם מלמד שהראהו הקב"ה דור דור ודורשיו דור דור וחכמיו כיון שהגיע לדורו של ר"ע שמח בתורתו ונתעצב במיתתו אמר ולי מה יקרו רעיך אל. א"ר יהודה אמר רב אדם הראשון מין היה (שם ג) ויקרא ד' אלהים אל האדם ויאמר לו איכה אן נטה לבך ורבי יצחק אמר מושך בערלתו היה כתיב הכא (הושע י) והמה כאדם עברו ברית וכתיב התם (בראשית יז) את בריתי הפר. ר"נ אמר כופר בעיקר היה כתיב הכא עברו ברית וכתיב התם (דברים כט) על אשר עזבו את ברית ה' אלהי אבותם:

כה תנן התם ר' אליעזר אומר הוי שקוד ללמוד תורה ודע מה שתשיב לאפיקורוס אמר רבי יוהנן לא שנו אלא אפיקורוס נכרי אבל אפיקורוס ישראל כל שכן דפקר טפי. אמר ר' יוחנן כל מקום שפקרו הצדוקים תשובתן בצדן (בראשית א) נעשה אדם

מ"ס יקרו ר"עיך א"ל ר"ת למפרע ארמי): מין היה. נוטה לע"ז:

שקוד. מהיר וזריז כדי שתדע להשיב לאפיקורוס. הכא לא הביא ראיה מן התורה לדברי האפיקורסות כל שכן דפקר טפי (את תחזיר לו תשובה) שסברי (שבר) וכפר ומתוך כך מדקדק ולא תוכל להשיבו דבר שמקובל לו: כל מקום שפקרו הצדוקים.

פון מה יקרו רעיך אל. מאכט ארמ"י. דאס איז וואס ריש לקיש האט גזאגט עס שטייט אין פסוק זה ספר תולדות אדם. דאס איז דיא דער צייכונג פון דיא קינדער פון אדם. דער פסוק לערנט אונז אז גאט האט געוויזען צוא אדם הראשון דיא דרשנים פון יעדער דור. אונ דיא חכמים פון יעדער דור. וויא ער איז גיקומען צום דור פון רבי עקיבא האט ער זיך גיפרייט מיט זיין תורה. אונ ער איז גיוועזען טרויעריג דורך זיין שטארבין (וואס ער וועט שטארבין פון גרויסע יסורים). האט אדם גזאגט ולי מה יקרו רעיך אל. גאט וויא טייער זענען ביי מיר דיינע גידאנקען. נאך האט רב יהודה גזאגט פון רבם וועגין אדם הראשון איז גיוועזען אאפיקורוס. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גירופין צו אדם אונ ער האט גזאגט צו אים איכה וואו ביסטו. וואו אהין האסטו גינייגט דיין הארץ. רבי יצחק זאגט אדם הראשון איז באשאפין גיווארין גימולת. אונ ער האט ארויף גיצויגין דיא הויט פון דיא מילה ער זאל ניט אויס זעהן וויא גימלת. ווארום דא שטייט והמה כאדם עברו ברית. זייא האבען ניט גיהאלטין דעם ברית אזוי וויא אדם האט ניט גיהאלטין. זעהן מיר אז אדם האט ניט גיהאלטין דעם ברית. וועלכין ברית האט ער ניט גיהאלטין. דעם ברית פון מילה. ווארום מילה ווערט גירופין ברית; אזוי וויא עס שטייט אין פסוק את בריתי הפר. ער האט געשטערט מיין ברית. אונ האט זיך ניט גימלת. רב נחמן זאגט אדם הראשון האט גילייקונט אין גאט. ווארום דא שטייט והמה כאדם עברו ברית. זייא האבין ניט גיהאלטין דעם ברית אזוי וויא אדם האט ניט גיהאלטין: זעהן מיר אז אדם האט ניט גיהאלטין דעם ברית. וועלכין ברית האט ער ניט גיהאלטין. דעם ברית צו גלויבין אין גאט. ווארום דאס גלויבין אין גאט ווערט גירופין ברית. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייא האבין פארלאזין את ברית ה' אלהי אבותם. דעם ברית וואס זייא האבין גימאכט מיט דעם גאט פון זייערע עלטערין. זייא זאלין אים דינען אונ זייא דינען עבודה זרה:

כה תנן התם. מיר האבין גילערונט רבי אליעזר זאגט דו זאלסט זיין גיאיילט צו לערנען תורה. אונ וייס וואס דו זאלסט ענפערין צו אאפיקורוס. אז דער אפיקורוס וועט דיר ווייזין אין דער תורה שטייט אזוי וויא ער זאגט. זאלסטו וויסען איהם וואס צו ענפערין. רבי יוחנן זאגט נאר צו אגויאישען אפיקורוס זאל מען ענפערין. אבער צו איודישען אפיקורוס זאלסטו ניט ענפערין. ווארום ער וועט אנהייבין נאך מער קלערין ער זאל דיר צוריק ענפערין וועט ער ווערין נאך אגרעסערער אפיקורוס. רבי יוחנן זאגט פון וועלכין ארט אין דיא תורה דיא אפיקורסים ווייזין אז עס שטייט וויא זייא זאגין. שטייט באלד אפגיענפערט אז עס איז ניט וויא זייא זאגין. עס שטייט נעשה אדם בצלמנו. מיר וועלין מאכין אמענטש אין אונזער בולד. זעהן מיר אז

אדם בצלמנו וגו׳ (שם) ויברא אלהים את האדם בצלמו . (שם יא) הבה נרדה ונבלה שם שפתם (שם) וירד ה׳ לראות את העיר ואת המגדל. (שם לה) כי שם נגלו אליו האלהים (ואומר) (שם) [לאל] העונה אותי ביום צרתי. (דברים ד) כי מי גוי גדול אשר לו אלהים קרובים אליו כה׳ אלהינו בכל קראנו אליו.

(ש״ב ז) ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ אשר הלכו אלהים לפדות לו לעם. (דניאל ז) עד די כרסון רמיו ועתיק יומין יתיב הנך למה לי כדרבי יוחנן דא״ר יוחנן אין הקב״ה עושה דבר אלא א״כ נמלך בפמליא של מעלה שנא׳ (שם ד) בגזרת עירין פתגמא ובמאמר קדישין שאלתא התינח כולהו עד די כרסון רמיו מאי איכא למימר אחד לו ואחד לדוד דתניא אחד לו ואחד לדוד דברי ר׳ עקיבא אמר לו ר׳ יוסי עקיבא עד מתי אתה עושה שכינה חול אלא אחד לדין ואחד לצדקה. קבלה מיניה או לא קבלה מיניה ת״ש

ממביאין לאיה מן התורה להפקירן]: ויברא. יחידי: העונה. לשון יחיד: אשר הלכו אלהים לפדות לו. הרי לשון יחיד: עד די כרסון רמיו. נתיישבו הכסאות דמשמע שנים: כתיב ביה ועתיק יומין יתיב. יחידי: הנך למה לי. למה נכתב בלשון רבים: כדרבי יוחנן. שהכל בעצת פמליא של מעלה: בגינה חול. שאתה מושיב בשר ודם אצלו: זה

עס איז דא מער וויא איין גאט. שטייט דער בייא ויברא אלהים את האדם בצלמו. גאט האט בשאפין דעם מענטש אין זיין בילד. זעהן מיר אז נאר איין גאט איז דא. עס שטייט אין פסוק הבה נרדה ונבלה שם שפתם. מיר וועלין אראפ נידערין אונ מיר וועלין דארט צוא מישען זייערע לעפצין זעהן מיר אז עס איז דא מער וויא איין גאט. שטייט דער בייא וירד ה׳ לראות את העיר ואת המגדל. גאט האט אראפ גענידערט זעהן דיא שטאט אונ דעם טורעם. זעהן מיר אז נאר איין גאט איז דא. עס שטייט אין פסוק כי שם נגלו אליו האלהים ווארום דארט זענען צו אים בעוויזען גיווארין דיא געטער. זעהן מיר אז עס איז דא מער וויא איין גאט: שטייט דער בייא לאל העונה אותי ביום צרתי. צום גאט וואס ער האט מיר גיענפערט אין דעם טאג ווען מיר איז שלעכט גיוועין. זעהן מיר אז נאר איין גאט איז דא. עס שטייט אין פסוק ווא איז נאך דא אזוי אגרויסע פאלק וואס צו אים זענען דיא געטער נאנט זעהן מיר אז עס איז דא מער וויא איין גאט. שטייט דער בייא כה׳ אלהינו בכל קראנו אליו. אזוי וויא אונזער גאט אין אלע צייטין וואס מיר רופין צו אים. זעהן מיר אז נאר איין גאט איז דא. עס שטייט אין פסוק ווער איז וויא דיין פאלק יודין וואס זייא זענען איין פאלק אויף דער וועלט וואס צו אים זענען גיגאנגען דיא געטער: זעהן מיר אז עס איז דא מער וויא איין גאט שטייט דער בייא לפדות לו לעם. ער זאל זייא אויס לייזין פאר זיך צו אפאלק. זעהן מיר אז נאר איין גאט איז דא. עס שטייט אין פסוק ביז דיא שטוהלין זענען אומגיווארפין גיווארין זעהן מיר אז עס איז דא מער וויא איין שטוהל. ווייל עס איז דא מער וויא איין גאט. שטייט דער בייא ועתיק יומין יתיב. דער וואס איז אלט אין טעג איז גיזעסין אויף דעם שטוהל. זעהן מיר אז נאר איין גאט איז דא. אונ צו וואס שטייען דיא אלע פסוקים וואס עס זעהט אויס אז עס איז דא מער וויא איין גאט. דאס איז אזוי וויא רבי יוחנן האט גזאגט. גאט טוהט ניט קיין זאך סיידין ער פרעגט בייא דיא מלאכים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בגזרת עירין פתגמא. דיא רייד פון גאט ווערט גיטאהן דורך דיא גזרה פון דיא מלאכים. ובמאמר קדישין שאלתא. גאט פרעגט דעם זאג פון דיא הייליגע. ער פרעגט בייא דיא מלאכים וואס זייא זאגין. פרעגט דיא גמרא דאס איז רעכט דיא אלע פסוקים. וואס וועלין מיר זאגין צו דעם פסוק ביז דיא שטוהלין זענען אומגיווארפין גיווארין. אז עס איז נאר דא איין גאט. צו וואס זענען דא צוויא שטוהלין. ענפערט דיא גמרא איין שטוהל איז פאר גאט. אונ איין שטוהל איז פאר דוד המלך: אזוי וויא מיר האבין גילערנט איין שטוהל איז פאר גאט אונ איין שטוהל איז פאר דוד המלך. אזוי זאגט רבי עקיבא. האט רבי יוסי גזאגט צו רבי עקיבא. ביז וויא לאנג נאך וועסטו מאכין דיא שכינה אזוי פראסט. אז דו זאגסט דוד זאל זיצען

ת"ש דתניא אחד לדין ואחד לצדקה דברי ר' עקיבא אמר ר' אלעזר בן עזריה עקיבא מה לך אצל הגדה כלך לך אצל נגעים ואהלות אלא אחד לכסא ואחד לשרפרף כסא לישב עליו שרפרף להדום רגליו. א"ר נחמן האי מאן דידע לאהדורי למיני כרב אידית ליהדר ואי לא לא ליהדר. אמר ההוא מינא לרב אידית כתיב (שמות כד) ואל משה אמר עלה אל ה' עלה אלי מיבעי ליה א"ל זהו מטטרון ששמו כשם רבו דכתיב (שם כג) כי שמי בקרבו אי הכי נפלחו ליה כתיב (שם) אל תמר בו אל תמירני בו אם כן לא ישא לפשעכם למה לי א"ל הימנותא (דידן) [בידן] דאפילו בפרוונקא נמי לא קבלינוהו דכתיב (שם לג) ויאמר אליו אם אין פניך הולכים וגו'. א"ל ההוא מינא לר' ישמעאל בר' יוסי כתיב (בראשית יט) וה' המטיר על סדום ועל עמורה גפרית ואש מאת ה' מאתו מיבעי ליה א"ל ההוא כובס שבקיה אנא מהדרנא ליה דכתיב (שם ד) ויאמר למך לנשיו עדה וצלה שמען קולי נשי למך נשיי מיבעיא ליה אלא משתעי קרא הכי ה"נ משתעי קרא הכי א"ל מנא לך הא מפרקיה דר' מאיר שמיע לי דא"ר יוחנן כי הוה

דריש

מטטרון. הוא אמר עלה אל ה': ששמו כשם רבו. ה' לפניך לא הזכיר שמו וכתבו סתם: אם כן לא ישא לפשעכם. לא יכול לסלוח לפשעים ומה יתרון בו: א"ל הימנותא (דידן) [בידן]. שאין בו כח לשאת פשעינו ואנו נמי מאהבנוהו ומיאנו לקבל אפי' בפרוונקא שליח מוליך ומביא:

געפֿין די שכינה. נאָר ווען גאָט משפּט די וועלט זיצט ער אויף די שטוהל. און ווען גאָט טוהט צדקה מיט דער וועלט זיצט ער אויף די אַנדערע שטוהל. פֿרעגט די גמרא האָט רבי עקיבא אָן גינומען די רייד פֿון רבי יוסי. אָדער ער האָט ניט אָן גינומען. ענטפֿערט די גמרא מיר האָבּען גילערונט איין שטוהל איז צו משפּט און איין שטוהל איז צו צדקה. אַזוי זאָגט רבי עקיבא. אַזוי וויא רבי יוסי. האָט רבי אלעזר בן עזריה גזאָגט צו רבי עקיבא פֿאַר וואָס בּעשעפֿטיגסטו דיך מיט אגדתא. גיי בּעסער לערנען די דינים פֿון נגעים און אהלות. נאָר די צוויא שטוהלין איינער איז אַשטוהל און איינער איז אַפֿוסין בּיינקול. די שטוהל איז צום זיצען אויף איר. דער פֿוסין בּיינקול איז צו האַלטין אויף אים די פֿיס. רב נחמן זאָגט דער וואָס ווייסט צו ענטפֿערין צו די אפּקורסים אַזוי וויא רב אידית ווייסט. זאָל ער ענטפֿערין. און אויב ער ווייסט ניט צו ענטפֿערין אַזוי וויא רב אידית זאָל ער זייא גאָר ניט ענטפֿערין. אַאַפּקורוס האָט אַמאהל גזאָגט צו רב אידית עס שטייט אין פּסוק צו משה האָט ער גזאָגט גיי אויף צו גאָט. האָט דאָך גידאַרפֿט שטיין גיי אויף צו מיר. האָט רב אידית גזאָגט צום אַפּקורוס דער מלאך מטטרון האָט גזאָגט צו משה גיי אויף צוא גאָט. און פֿאַר וואָס שטייט ניט דער נאָמען מטטרון אין דער תורה. ווייל דער נאָמען פֿון מטטרון איז וויא דער נאָמען פֿון זיין בּעל הבּית. וויא דער נאָמען פֿון גאָט. אַזוי וויא עס שטייט אין פּסוק גאָט האָט גזאָגט מ'ין נאָמען איז אין אים. האָט דער אַפּקורוס גיפֿרעגט זאָל מען דינען צו מטטרון. האָט רב אידית גיענטפֿערט גאָט האָט גזאָגט אַל תמר בּי. זאָלסט ניט אומטאַהשין מיך אויף אים. האָט דער אַפּקורוס גיפֿרעגט אויב דינען צו מטטרון טאָר מען ניט. און מוחל זיין די עבירות קען ער אויך ניט. צו וואָס דען דאַרף מען אים. האָט רב אידית גזאָגט צום אַפּקורוס אונזער גלויבּונג איז פֿעסט בּייא אונז אַז דער מלאך קען אָן גאָט גאָר ניט טאָהן. דריבּער האָבּין מיר טאַקי ניט גיוואָלט אַז דער מלאך זאָל גיין מיט אונז. אַפֿילו פֿאַר קיין שליח האָבּין מיר אויך ניט גיוואָלט ער זאָל גיין מיט אונז. אַזוי וויא עס שטייט אין פּסוק משה האָט גזאָגט צו גאָט אויב דו אַליין ווע‌סט ניט גיין מיט אונז זאָלסטו אונז ניט אויף בּריינגען פֿון דאַנען. אַאַפּקורוס האָט אַמאהל גזאָגט צו רבי ישמעאל בּרבּי יוסי עס שטייט אין פּסוק גאָט האָט גימאַכט רעגענען אויף סדום און אויף עמורה שוועבּיל און פֿייער פֿון גאָט. האָט דאָך גידאַרפֿט שטיין פֿון זיך. האָט אַוועשער גזאָגט צו רבּי ישמעאל לאָז אים איך וועל אים ענטפֿערין. עס שטייט אין פּסוק למך האָט גזאָגט צו זיינע ווייבּער עדה און צלה הערט צו מיין קול די

ווייבּער

דריש ר' מאיר בפרקיה הוה דריש תלתא שמעתא תלתא אגדתא תלתא מתלי. וא"ר יוחנן שלש מאות משלי שועלים היו לו לרבי מאיר ואנו אין לנו אלא שלשה. (דף לט) (יחזקאל יח) אבות אכלו בוסר ושני בנים תקהינה (ויקרא יט) מאזני צדק אבני צדק (משלי יא) צדיק מצרה נחלץ ויבא רשע תחתיו:

א"ר

סמיך לי. שהמקרא הזה תשובה לזה: אבות אכלו בוסר. משל הוא שרימה השועל את הזאב נכנס לחצר היהודים בע"ש ולתקן עמהם צרכי הסעודה ויאכל עמהן בשבת וכשבא ליכנס חברו עליו במקלות בא להרוג את השועל אמר לא הלקוך אלא בשביל אביך שפעם אחת שהתחיל לסייען בסעודה ואכל את כל נתח טוב אמר לו ובשביל אבא אני לוקה אמר לו הן אבות אכלו בוסר וגו' אבל בא עמי ואראך מקום לאכול ולשבוע בא לו על הבאר ועל שפתו מוטל עץ והחבל (מושכת) [ומושכת] עליו וב' ראשי החבל ב' דליים קשורים ונכנס השועל בדלי העליון והכביד וירד למטה ודלי התחתון עלה אמר לו הזאב למה אתה נכנס לכאן אמר לו יש כאן בשר וגבינה לאכול ולשבוע הראה לו דמות הלבנה במים כדמות עגול כמין גבינה עגולה א"ל אני היאך ארד אמר לו הכנס אתה בדלי העליון נכנס והכביד וירד ודלי שהשועל עליו עלה א"ל היאך אני עולה אמר לו צדיק מצרה נחלץ ויבא

וויבער פון למך פאר נעמט מיין זאג. האט דאך גידארפט שטיין מינע וויבער פאר נעמט מיין זאג. נאר דער פסוק שמועסט אזוי. דא בייא גאט שטועכט אויך דער פסוק אזוי. האט רבי ישמעאל גזאגט צום וועשער פון וואגען ווייסטו אז דער פסוק פון למך איז אתירוץ אויף דעם פסוק פון גאט. האט דער וועשער גזאגט פון דער דרשה פון רבי מאיר האב איך דאס גיהערט. ווארום רבי יוחנן האט גזאגט ווען רבי מאיר פלעגט זאגין אדרשה. פלעגט ער זאגין אדריטול דרשה דינים. אונ אדריטול אגדתא. אונ אדריטול משלים. נאך האט רבי יוחנן גזאגט דרייא הונדערט משלים פון פיקס האט רבי מאיר גיוואסט צו זאגין. אונ מיר ווייסין נאר דרייא משלים איין משל הייסט דיא עלטערין האבין גיגעסין אומצייטיגע ווינטרויבין זאערע. אונ דיא ציין פון זייערע קינדער זענען הייליג. דאס מיינט מען דיא עלטערין האבין גיטאהן עבירות. אונ דיא קינדער ווערין גישטראפט. אויף דעם איז דא אמשל מיט אפוקס. אפוקס האט אמאהל גינארט אוואלף אונ ער האט גזאגט צום וואלף גיי ארין ערב שבת צוא איודין אין שטוב. וועסטו זייא העלפין אן גרייטין זייער עסין אויף שבת. וועסטו עסין מיט זייא אום שבת. וויא דער וואלף איז ארין גיקומען צום יודין ערב שבת. האבין אלע מענטשין פון שטוב גינומען שטעקינס אונ האבין אים גישלאגין. איז דער וואלף גילאפין צום פוקס אונ האט אים גיוואלט הרגנן. האט דער פוקס גזאגט צום וואלף מען האט דיך גישלאגין פאר דיין פאטער. אמאהל איז דיין פאטער אויך ארין גיקומען צו איודין ערב שבת. האבין זייא אים גילאזין העלפין אן גרייטין אויף שבת. דער וייל האט ער אויף גיגעסין אלע בעסטע עסינס. האט דער וואלף גזאגט פאר מיין פאטער וואס ער האט געזינדיגט שלאגט מען מיך. האט דער פוקס גזאגט יא עס איז אזוי. דיא פאטערס האבין גיגעסין אומצייטיגע ווינטרויבין זאערע. אונ דיא ציין פון דיא קינדער זענען הייליג. נאך אמשל האט רבי מאיר גזאגט אויף דעם דין אז מען זאל ניט געבין אפאלשע וואג. אונ דער משל איז אויף נאך אזאך אויך. אז דער צדיק גייט ארויס פון דיא צרה. אונ דער רשע קומט אויף זיין ארט. אמאהל האט דער פוקס גיוואלט נארין דעם וואלף. האט ער גזאגט צו אים קום מיט מיר איך וועל דיר ווייזין אארט ווא עס איז דא צו עסין זאט צו ווערין. זענען זייא ביידע גיקומען צו אברונען. איבער דעם ברונען איז גילעגין אהאלץ. אונ אויף דעם האלץ איז גיהאנגין אשטריק. אונ אין איין עק שטריק איז גיווען אנגיבונדין אעמער אונ אין דעם אנדערין עק שטריק איז גיווען אנגיבונדין אעמער. איז דער פוקס ארין גיגאנגען אין איין עמער. איז דער עמער אראפ גיגאנגען ביז צום וואסער. האט דער וואלף גזאגט צום פוקס צו וואס ביסטו אראפ גיגאנגען ביז צום וואסער. האט דער פוקס גזאגט ווייל דא ליגט פלייש אונ קעז. אונ דיא לבנה האט גישיינט אין דיא וואסער וואס אין ברונען. האט דער פוקס גזאגט צום וואלף אויף דיא לבנה אז דאס איז דער קעז. האט דער וואלף גזאגט צום פוקס וויא אזוי וועל איך אראפ קומען צו דיר. האט דער פוקס גזאגט צום וואלף גיי ארין אין דעם אנדערין עמער וועסטו אראפ קומען צו מיר. דער וואלף איין

ויבא רבע תחתיו לא כך כתיב מאזני צדק וגו': כובד. ענבים קודם בישולם ומקהין את השינים: אמרה לו תנו לי דוכוס אחד. שופט לנקום נקמה: אותבה תותי בחשא. תחת כירה קליל"י בלע"ז וכן דרך לצלותה ומתוך חרסה אותה בגחלים כ: אכסה עליו: הוה מאיסה ליה. פירשה בהתוכה קודם גמר תיקונה: אלהיכם מאי עביד. מכחש היה ובכבור

כן א"ל קיסר לרבן גמליאל אלהיכם גנב הוא דכתיב (בראשית ב) ויפל ה' אלהים תרדמה על האדם ויישן אמרה ליה ברתיה שבקוה דאנא מהדרנא ליה אמרה ליה תנו לי דוכוס אחד אמר לה למה ליך אמרה ליה לסטים באו עלינו הלילה ונטלו ממנו קיתון של כסף והניחו לנו קיתון של זהב אמר לה הלואי שיבא עלינו בכל יום ולא יפה היה לו לאדם הראשון שנטלו ממנו צלע אחת ונתנו לו שפחה לשמשו אמר לה הכי קאמינא [אלא] לישקליה בהדיא אמרה ליה אייתי לי אומצא דבשרא אייתי לה אותבה תותי בחשא אפיקתה אמרה ליה אכול מהאי אמר לה מאיסא לי אמרה ליה אדם הראשון נמי אי הוה שקילה בהדיא הוה מאיסא ליה. א"ל קיסר לר"ג ידענא אלהייכו מאי קא עביד (והיכן יתיב) איננגיד ואיתנח א"ל מאי האי אמר בן אחד יש לי בכרכי הים ויש לי געגועין עלין כעינא דמהוית ליה

אריין גינאנגען אין דעם אנדערין עמער. אונ ווייל ער איז גיוועזן שווערער וויא דער פוקס איז דער עמער מיט דעם וואלף אראפ געניעדערט ביז אין וואסער. אונ דער עמער מיט דעם פוקס איז ארויף אין דער הייך. איז דער פוקס ארויס גינאנגען פון דעם עמער. אונ דער וואלף איז געבליבען אין וואסער:

כן אמר. אקיסר הט אמאהל גזאגט צו רבן גמליאל אייער גאט איז אגנב. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גימאכט פאלען אשלאף אויף אדם אונ ער איז אנשלאפין גיווארין. אונ ער האט גינומען פון אדם אריפ אונ ער האט גימאכט פון דעם ריפ די ווייב זיינע. חוה. האט דאך גאט גיגנבת אריפ ביי אדם; האט דיא טאכטער פון קיסר גזאגט צו רבן גמליאל לאז מיך איך וועל ענפערין מיין פאטער. האט דיא טאכטער גזאגט צום פאטער גיב מיר אשופט איך דארף בשטראפין מענטשין. האט דער קיסר צוא איר גזאגט צוא וואס דארפסטו אשופט; וועלכע מענטשין ווילסטו בשטראפין. האט דיא טאכטער גזאגט דיא נאכט זענען ביי אונז גיוועזן גזלנים אונ האבען גינומען פון אונז אזילבערנעם קריגול אונ האבען גילאזין ביי אונז אגאלדענעם קריגול. האט דער קיסר צו איר גזאגט פאר דעם ווילסטו זיי בשטראפין. הלואי זאלין זיי קומען צו אונז אלע נאכט אונ נעמען אזילבערנעם קריגול אונ לאזין אגאלדענעם קריגול. האט דיא טאכטער גזאגט צום קיסר אזוי האט דאך גאט אויך גיטאהן. איז דען ניט גוט גיוועזן פר אדם הראשון מען האט גינומען פון אים אריפ. אונ מען האט אים צוריק גיגעבין אדינסט צו-בעדינגען אים. האט דער קיסר גזאגט צוא דיא טאכטער אזוי מיין איך צו וואס האט גאט גינומען דיא ריפ אין שלאף. ער זאל ניט וויסען. פר וואס האט ער ניט גינומען ווען ער איז גיוועזן וואכעדיג. האט דיא טאכטער גזאגט צום קיסר איך וועל הייסען מען זאל מיר ברייגגען אשטיק רויע פלייש; הט מען איר גיבראכט אשטיק רויע פלייש. האט זיא גילייגט די פלייש אויף דעם קומען איז דיא הייסע אש מיט קוילין. דיא פלייש זאל גיבראטען ווערין; וויא דיא פלייש איז שוין גיוועזן גיבראטין. האט זיא ארויס גינומען די פלייש פון די אש אונ האט גזאגט צום פאטער עס די פלייש. האט דער פאטער צו איר גזאגט ווייל איך האב גיזעהן וויא דיא פלייש איז גילעגין אין דיא אש. איז מיר מיאוס דיא פלייש צו עסין; האט זיא גזאגט צום פאטער ביי אדם הראשון וואלט אויך אזוי גיוועזן. ווען גאט וואלט פון אים גינומען דיא ריפ אונ ער וואלט גיזעהן וויא מען מאכט דיא ווייב זיינע פון די ריפ. וואלט זיא אויף אים מיאוס גיוועזן: אמר. אקיסר האט אמאהל גזאגט צו רבן גמליאל איך ווייס וואס אייער גאט טוהט איצט. האט רבן גמליאל אזיפץ גיטאהן. האט דער קיסר גזאגט צו רבן גמליאל וואס זיפצטו. האט רבן גמליאל גזאגט איך האב אזוהן אין דיא שטעט וואס זענען

ליה ניהלי א"ל מי ידענא היכא ניהו א"ל דאיכא בארעא לא ידעת דאיכא בשמיא ידעת . א"ל קיסר לר"ג כתיב (תהלים קמז) מונה מספר לכוכבים מאי רבותיה אנא מצינא למימני כוכבים אייתי חבושי שדינהו בארבילא וקא מהדר להו א"ל מנינהו א"ל אוקמינהו א"ל רקיעא נמי הכי הדרא א"ד הכי א"ל קיסר מני לי כוכבי א"ל ר"ג אימא לי ככיך ושיניך במה הוו שדא ידיה לפומיה וקא מני להו א"ל דאיכא בפומך לא ידעת דאיכא ברקיעא ידעת :

איתי חבושי : תפוחי . קידוניי"ן בלע"ז : ארבילא . קריבי"ל בלע"ז : וקא מהדר להו . סביב סביב בארבילא : מני לי כוכבי . מנין לי הכוכבים כלו' יודע אני מספרם : לא ידעת . שצריך אתה לממשם : דאיכא ברקיע ידעת . בלא מנין וממשם איך יכול :

מי שברא הרים לא ברא רוח . שזה נקרא יוצר וזה נקרא בורא ושני שמות הם : ה"נ מי שברא . אבר זה לא ברא אבר זה וא"ת כן הוא הא תינח באברים המרוחקים מיהו טפח על טפח יש בו באדם ובאותו טפח יש בו שני נקבים האוזן והעין וקרי להאי נוטע אוזן ולהאי יוצר עין אלמא שנתעסקו

כז א"ל קיסר לרבן גמליאל מי שברא הרים לא ברא רוח (ומי שברא רוח לא ברא הרים) שנאמר (עמוס ד) יוצר הרים ובורא רוח אלא מעתה גבי אדם דכתיב (בראשית ב) ויברא וייצר ה"נ מי שברא זה לא ברא זה טפח על טפח יש בו באדם ושני נקבים יש בו מי שברא זה לא ברא זה שנאמר (תהלים צד) הנוטע אוזן הלא ישמע אם יוצר עין הלא

אויף דעם ים . אונ איך ביינג צו אים . איך וואלט וועלין דו זאלסט מיר אים ווייזן ; איך זאל אים זעהן . האט דער קיסר גזאגט צו רבן גמליאל ווייס איך דען וואו ער איז . אין וועלכע שטאט ער איז . האט רבן גמליאל גזאגט צום קיסר וואס אויף דער ערד איז ווייסטו ניט . און וואס אויף דעם הימעל איז ווייסטו יא . אמר . א קיסר האט אמאהל גזאגט צו רבן גמליאל עס שטייט אין פסוק גאט ציילט דיא שטערין וואס אין הימעל וואס איז דאס פאר א גרויסקייט . איך וואלט אויך קענען ציילען דיא שטערין . האט רבן גמליאל גיברייננגט ארבעס אונ האט זיי ארייין גילייגט אין א זיפ . אונ ער האט גישאקילט אונ גידרייט דיא זיפ . האט ער גזאגט צום קיסר צייל די ארבעס . הט דער קיסר גזאגט צו רבן גמליאל שטעל דיא זיפ וועל איך קענען ציילען דיא ארבעס . האט רבן גמליאל גזאגט צום קיסר דער הימעל דרייט זיך אויך אזוי אונ פון דעסטוועגין קען גאט ציילין דיא שטערין . אנדערע זאגין אזוי הט דער קיסר גזאגט צו רבן גמליאל דיא שטערין זענען ביי מיר אפ גיציילט . איך ווייס וויא פיל שטערין עס איז דא . הט רבן גמליאל גזאגט צום קיסר זאג מיר וויפיל ציין האסטו אין מויל . האט דער קיסר ארייין גישטעקט די האנט אין מויל אונ האט אן גיהויבען ציילען דיא ציין זיינע ; האט רבן גמליאל גזאגט צום קיסר וואס אין דיין מויל איז ווייסטו ניט ; אונ וואס אין הימעל איז ווייסטו יא :

כז אמר ; דער קיסר האט גזאגט צו רבן גמליאל דער וואס האט בשאפען דיא בערג הט ניט בשאפען דעם ווינט . איין גאט האט בשאפען דיא בערג . אונ איין גאט הט בשאפען דעם ווינט ; אזוי וויא עס שטייט אין פסוק יוצר הרים ובורא רוח . דער גאט וואס הט בשאפען דיא בערג הייסט יוצר . אונ דער גאט וואס הט בשאפען דעם ווינט הייסט בורא . האט רבן גמליאל גזאגט צום קיסר אז ביי דעם מענטש שטייט אמאהל ויברא אונ אמאהל שטייט וייצר ; וועסטו אויך זאגין אז צוויי גאטער האבען בשאפען דעם מענטש . דער גאט האט בשאפען למשל א האנט . אונ דער אנדערער גאט האט בשאפען א פוס . טאמער וועסטו זאגין אז אזוי איז טאקי גיוועזן . דער וואס האט בשאפען דעם גליד האט ניט בשאפען דעם אנדערין גליד . דאס קענסטו נאר זאגין ביי די גלידער וואס זענען ווייט איינער פון אנדערין . למשל א האנט מיט א פוס . אבער ביי דעם מענטשין איז דא איין ארט וואס ער איז גרויס א טפח דיא לענג אונ א טפח דיא ברייט . אונ אין דעם שטיקיל ארט זענען דא צוויי לעכער . די אויגין אונ די אויערין . וועסטו אויך זאגין אז איין גאט האט בשאפען דיא אויגען אונ איין גאט האט בשאפען די אויערין ווייל עס שטייט אין פסוק הנוטע אוזן הלא ישמע נאז ער האט גיפלאנצט דעם אויער .

הלא יביט אמר ליה אין אמר ליה ובשעת מיתה כולם נתפייסו א"ל ההוא אמגושא לאמימר מפלגך לעילאי דהורמיז מפלגך לתתא דאהורמיז א"ל [א"כ] היכי שביק ליה אהורמיז להורמיז לאעבורי מיא בארעיה:

כח א"ל קיסר לרבי תנחום תא ליהוי כולן לעמא חד א"ל לחיי מיהו אנן דמהלינן לא מצינן למיהוי כוותייכו ואתון מהילתו והוו כוותן א"ל מימר שפיר קאמרת מיהו כל דזכי למלכא לישדיוה לביבר שדיוה לביבר ולא אכלוהו א"ל ההוא מינא האי דלא אכלוהו משום דלא כפון הוא. שדיוה לדידיה ואכלוה.

א"ל קיסר לר"ג אמריתו כל בי עשרה שכינתא שריא כמה שכינתא איכא קריה לשמעיה מחייה בהפתקיה א"ל

פיים באותו טפה: אמר לו. הן: וכי בשעה מיתה בניהם נתפייסו. הבעלים הנוטע והיולד מסכימים להמיתו: המגושה. מכשף יודע אני ע"י כישוף דמהלייך ולמעלה דהורמיז שד כדאמרינן הורמיז בר לילתא בב"ב: דאהורמיז. הקב"ה קרי הכי: והיכי שביק ליה. א"ל היאך שביק אהורמיז להורמיז לאעבורי מים כרותים בארעיה א"כ היאך מניח הורמיז להעביר מים בארצו בכל מה שאדם מכנים דרך פיו מוציא דרך הנקבים התחתונים:

לא מצינן למיהוי כוותייכו. שאי אפשר להיות לנו עוד ערלה: דזכי למלכא. נוצחו ומשתיקו בדבריו ומבייישו: לביבר. מקום חיות רעות של מלכות קיים. ר"ג לשמעיה דקיסר: מחייה בהפתקיה.

גוויס הערט ער] אם יוצר-עין הלא יביט [אויב ער האט בשאפען דיא אויג. געוויס זעהט ער] וועסטו אויך זאגין דער גאט פון דיא אויערין הייסט נוטע. אונ דער גאט פון די אויגען הייסט יוצר. ווי קען דאס זיין אז אויף אזוי אקליינע שטיקול ארט זאלין זיך בשעפטיגען צוויי געטער. האט דער קיסר גזאגט יא עס איז דאך אזוי גיוועהן. די אויגען האט בשאפען איין גאט. אונ דיא אויערין האט בשאפען איין אנדער גאט. האט רבן גמליאל גזאגט וויא אזוי קען זיין אז עטליכע געטער האבען בשאפען דעם מענטשין. פאר וואס קריגען זיך קיין מאהל ניט דיא געטער. איינער זאל זאגין דער מענטש זאל היינט שטארבין. דער אנדערער זאל זאגין דער מענטש זאל נאך לעבין. קען דאס זיין אז ביי דעם שטארבן פון דעם מענטש זאלין אלע געטער שלום ווערין אונ אלע זאלין זאגין גלייך אז דיא רגע מוז דער מענטש שטארבן. פון דעם זעהן מיר אז נאר איין גאט האט בשאפען דעם מענטש. אונ דער איין גאט הייסט די אלע נעמען יוצר בורא נוטע. אזוי דער ווינט אונ דיא בערג הט אויך בשאפען דער איין גאט. אונ ער הייסט יוצר אונ בורא. אמכשף האט אמאהל גזאגט צו אמימר איך ווייס דורך מיין כישוף אז דיא אובערשטע העלפט פון דיין גוף איז פון אשד וואס ער הייסט הורמיז. אונ די אונטערשטע העלפט דיינע איז פון גאט וואס ער הייסט אהורמיז. הט אמימר גזאגט צום מכשף אויב עס איז אזוי. וויא אזוי לאזט גאט צום שד דיא וואסער זאל גיין דורך זיין פעלד. אלץ וואס דער מענטש טרינקט הויבין אין זיין מויל גייט ארויס צוריק דורך די אונטערשטע לעבער. אז די מויל וואלט גיהערין צו איין אנדערין. ווי אזוי וואלט גאט לאזין יענעמס וואסער זאל גיין דורך זיין חלק:

כח אמר. דער קיסר הט גזאגט צו רבי תנחום קום מיר וועלין זיין אלע איין פאלק. הט רבי תנחום גזאגט צום קיסר רעכט. מיר וועלין אזוי טאהן. נאר מיר זענען דאך שוין געמלת. קענען מיר דאך ניט זיין אזוי ווי איר זענט. נאר איר זאלט אייך מל זיין וועט איר זיין אזו ווי מיר זענען. הט דער קיסר גזאגט צו אמימר זאגין זאגסטו גאנץ ריכטיג נאר דער וואס זאגט בעסער פר דעם קיסר. אז דער קיסר קען אים ניט ענפערין. ווארפט מען אים ארין צווישען שלעכטע חיות וביבר איז אגרויסער פלאץ ארום גיצאמט מיט הויכע ווענט. אונ אינוויינג אהעוועען זיך חיות. הט מען ארין גיווארפן דעם אמימר צווישן די חיות. אונ דיא חיות האבען אים ניט אויף גיגעסין. הט אאפקורוס גזאגט צום קיסר דוא ווייסט פר וואס דיא חיות האבען ניט אויף גיגעסן דעם אמימר. ווייל זייא זענען ניט הונגעריג. האט מען ארין גיווארפען דעם אפקורס צווישען דיא חיות האבען זייא אים אויף גיגעסן. אמר. דער קיסר האט גזאגט צו רבן גמליאל איר זאגט וואו עס זענען דא צעהן מענטשין אונ לויבען גאט רוהט די שכינה צווישען זיי. ווי פיל שכינות איז דא. הט רבן גמליאל גירופען דעם בעדינער פון קיסר. אונ הט אים גישלאגן אויפן קארג.

א"ל אמאי (מחית ליה ד) על שמשא בביתא א"ל שמשא אכולי עלמא ניחא א"ל ומה שמשא דהוה חד מן אלפא אלפי רבוון דשמשי קודשא בריך הוא ניחא אכולי עלמא שכינתא דקודשא בריך הוא עאכ"ו .

כט א"ל ההוא מינא לר' אבהו אלהיכם גחכן הוא דקאמר ליה ליחזקאל (יחזקאל ד) שכב על צדך השמאלי וכתיב (שם) ושכבת על צדך הימני (אדהכי והכי) אתא ההוא תלמידא א"ל מ"ט דשביעתא א"ל השתא אמינא לכו מלתא דשויא לתרווייכו אמר הקב"ה לישראל זרעו שש והשמיטו שבע כדי שתדעו שהארץ שלי הוא והם לא עשו כן אלא חטאו וגלו מנהגו של עולם מלך בשר ודם שסרחה עליו מדינה אם אכזרי הוא הורג את כולן אם רחמן הוא הורג חציין אם רחמן מלא רחמים הוא מייסר את הגדולים שבהם ביסורים אף כך הקב"ה מייסר את יחזקאל כדי למרק עונותיהם של ישראל :

ל א"ל ההוא מינא לר' אבהו אלהיכם כהן הוא דכתיב (שמות כה) ויקחו לי תרומה כי קבריה למשה במאי טביל וכי תימא במיא והכתיב (ישעיה מ) מי מדד

ככתו על גולהו : א"ל . קיסר שמשא אכולי עלמא ניחא : שמשא . תמה : גחכן . הולך דמשחק בנביאיו : מ"ט דשביעתא . למה מה הקב"ה על השמיטה : דשוי לתרווייכו . שזהא מועלת לשניהם כמו אין טוב לשניהם : כדי שתדעו וכו' . ולא יחם לבבכם בשבה א. נכס ותתבהמו עול מלכות שמים :

הט דער קיסר גזאגט צו רבן גמליאל פר וואס שלאגסטו אים . הט רבן גמליאל גזאגט ווייל דיא זוהן גייט ארייין אין שטוב : הט דער קיסר גזאגט וואס איז דער בעדינגער שולדיג . די זוהן רוהט אויף די גאנצע וועלט . הט רבן גמליאל גזאגט צום קיסר מאדאך די זוהן ווס זי איז נאר איינע פון דיא טויזענד מאהל טויזענד צעהן טויזענדער פון דיא בעדינגערס פון גאט . רוהט דיא זהן אויף דיא גאנצע וועלט . היינט דיא רוהונג פון גאט אליין איז געווים אויף דיא גאנצע וועלט :

כט אמר ; אאפקורוס הט גזאגט צו רבי אבהו אייער גאט לאכט פון מענטשין . ווארום גאט הט גזאגט צום נביא יחזקאל דו זאלסט ליגען אויף דיין לינקע זייט דריי הונדערט מיט נייינציג טעג . דער נאך זאלסטו ליגען אויף דיין רעכטע זייט פערציג טעג . ווייא דער אפקורוס האט אזוי גישמועסט מיט רבי אבהו איז גיקומען אתלמיד אונ הט גזאגט צו רבי אבהו פר וואס הט גאט גיבאטען אויף דעם זיבעטין יאהר (דאס איז שמטה) מען זאל ניט האקערין אונ ניט זייען (אזוי וויא עס שטייט אין די סדרה בהר) ; הט רבי אבהו גזאגט איצט וועל איך אייך זאגן אזאך וואס עס וועט זיין גוט פר אייך ביידע . גאט הט גזאגט צו דיא יודין איר זאלט זייען זעקס יאהר אונ דעם זיבעטין יאהר זאל די פעלד זיין ליידיג . איר זאלט וויסען אז דיא ערד איז מיינע . אונ די יודין האבען ניט אזוי גיטאהן . נאר זייא האבען געזינדיגט אונ האבען גיזייט דעם זיבעטין יאהר אויך . זענען זיי פאר טריבען גיווארין פון לאנד . דער פירונג פון דר וועלט איז . אז אמדינה זינדיגט אויף אמלך . אויב דער מלך איז אשלעכטער הרגת ער אלע מענטשין וואס האבען געגין אים געזינדיגט . אונ אויב ער איז אגוטער מלך . הרגת ער נאר דיא העלפט פון זיי . וועלין שוין די אנדערע העלפט מורא האבען . אונ אויב ער איז גאר אגוטער נעמט ער נאר די גרעסטע פון זייא אונ שטראפט זייא מיט יסורים . וועלין שוין דיא קלענערע מורא האבען . גאט האט אויך גזאגט איך וועל שטראפין דעם נביא יחזקאל . וועלין שוין אלע יודין מורא האבען אונ וועלין תשובה טאהן . וועל איך זייא מוחל זיין זייערע עבירות :

ל אמר . אאפיקורוס האט גזאגט צו רבי אבהו אייער גאט איז דאך אכהן . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט מען זאל נעמען צו מיר תרומה (אונ תרומה גיהער צו אכהן) ; אז גאט האט בגראבין משה רבינו איז ער דאך טמא גיווארין . אין וואס האט ער זיך טובל גיוועזן . טאמער וועסטו זאגין ער האט זיך טובל גיוועזן אין וואסער . עס שטייט דאך אין פסוק

וכל אשר לא יבא באש וגו'. דהוי דחייה ודריש ליה הכי כל מי שאינו יכול לבא באש מפני שישרף באש תעבירו במים: כל הגוים כאין. גם אתכם לא הוציא מן הכלל: מדידכו. נביאים שלאו מכם דהיינו בלעם שהיה עכו"ם העיד עלינו שאין אנו באותו כלל: ובגוים לא יתחשב. כל מקום שהוזכרו שם גוים לא הוזכרו ישראל בכלל: כשהוא משקה. אינו מונע המים לילך לטובים ולרעים לפי שאינו אלא כורת אחד וכשהוא עודר דהוי טורח לכל אחד ואחד אינו עודר אלא הטובים: עודר. חופר כך הקב"ה זן טובים ורעים הכל בצינור אחד ממלא את כל העולם כולו טובה שהכל שלו אבל כשבא להגין

מדד בשעלו מים אמר ליה בנורא טביל דכתיב (ישעיה סו) כי הנה ה' באש יבא וגו' ומי סלקא טבילותא בנורא א"ל אדרבה עיקר טבילותא בנורא הוא דכתיב (במדבר לא) (כל דבר אשר יבא באש תעבירו באש וטהר וגו') וכל אשר לא יבא באש תעבירו במים. א"ל ההוא מינא לר' אבינא כתיב (ש"ב ז) ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ מאי רבותייכו איתון נמי ערבותו בהדן דכתיב (ישעיה מ) כל הגוים כאין נגדו. א"ל מדידכו אסהידו עלן דכתיב (ע"ב) (במדבר כג) ובגוים לא יתחשב (כדר' אלעזר ד) ר' אלעזר רמי כתיב (תהלים קמה) טוב ה' לכל וכתיב (איכה ג) טוב ה' לקויו משל לאדם שיש לו פרדס כשהוא משקה משקה את כולו כשהוא עודר אינו עודר אלא טובים שבהם:

ויעבור

ווער האט גימאסטן מיט זיין טריט דיא וואסער זענען דאך אלע וואסערן נאר איין טריט פון גאט. קען דאך זיך גאט ניט טובל זיין אין וואסער. האט רבי אבהו גזאגט צום אפקורוס גאט האט זיך טובל גיוועזן אין פייער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט וועט קומען אין פייער האט דער אפקורוס גיפרעגט אז מען איז זיך טובל אין פייער ווערט מען דען טהור. האט רבי אבהו גזאגט טובלען זיך דארף מען גאר אין פייער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אלע זאכין וואס עס קען קומען אין פייער (עס וועט ניט פאר ברענט ווערין) זאל מען דאס אריין לייגין (טובלען) אין פייער. וועט זיין טהור. אונ דיא אלע זאכין וואס קענען ניט קומען אין פייער (וויא ווערין פאר ברענט ווערין) זאל מען דאס טובלען אין וואסער:

אמר. א אפקורוס האט גזאגט צו רבי אבינא עס שטייט אין פסוק ווער איז וויא דיין פאלק ישראל. זייא זענען איין פאלק אויף דער וועלט. וואס איז אייער גרויסקייט. איר זענט אויך צו מישט מיט אונז. ווארום עס שטייט אין פסוק אלע פעלקער זענען וויא גאר נישט געגין גאט. אז מען זאגט אלע פעלקער. מיינט מען דאך דיא יודין אויך. זענען דאך די יודין אויך וויא גאר נישט. האט רבי אבינא גזאגט צים אפקורוס אייער אייגענער נביא האט עדות גזאגט אויף אונז אז מיר זענען ניט גירעכנט צווישען גוים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בלעם האט גזאגט צווישען פעלקער וועלין יודין ניט גירעכנט. ווא עס שטייט דער ווארט גוים. פעלקער. מיינט מען אלע פעלקער אויסער יודין דריבער אז עס שטייט אלע פעלקער זענען געגין גאט וויא גאר נישט. מיינט מען ניט דיא יודין:

רבי אלעזר האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט טוב ה' לכל. גאט איז גוט צו אלע מענטשין. צו צדיקים אונ צו רשעים. אונ אין איין אנדער פסוק שטייט גאט איז נאר גוט צו דיא וואס האפין צו אים. נאר דאס איז גלייך צו א מענטשין וואס האט א ווייני גארטין. אז ער בשפריצט דעם וויינגארטין מיט וואסער. גייט דיא וואסער אויף דיא גוטע בוימער אונ אויף דיא שלעכטע בוימער. אונ ער פארשטעלט ניט דיא וואסער זייא זאלין ניט גיין אויף דיא שלעכטע בוימער. ווארום וואס הארט אים אז עס וועט גיין אויף דיא שלעכטע בוימער אויך. ער האט זיך דאך וועגין דיא שלעכטע בוימער גאר ניט מטריח גיוועזן. אבער אז ער דארף גראבין ארום דיא בוימער. מוז ער דאך גראבין ארום יעדער בוים בזונדער. גראבט ער נאר ארום דיא גוטע בוימער. אבער ניט ארום דיא שלעכטע בוימער. ביי גאט איז אויך אזוי. אז ער וויל שפייזין דיא וועלט. מיט איין ווארט (ער זאגט דעם יאהר זאלין אלע תבואות גראטין) ווערט שוין פול דיא גאנצע וועלט מיט גוטס. דריבער ווערין גישפייזט דיא גוטע אונ דיא שלעכטע. אבער אז גאט דארף בשיצען אויף דיא מענטשין. דארף ער דאך שיצען אויף יעדער מענטש בזונדער

(מ"א כב) **לא ויעבור** הרנה במחנה אמר ר' אחא בר חנינא (משלי יא) באבוד רשעים רנה באבוד אחאב בן עמרי רנה ומי חדי קודשא בריך הוא במפלתן של רשעים והכתיב (דה"ב כ) בצאת לפני החלוץ ואומרים הודו לה' כי לעולם חסדו וא"ר (יוחנן) [יונתן] מפני מה לא נאמר בהודאה זו כי טוב לפי שאין הקב"ה שמח במפלתן של רשעים דא"ר שמואל בר נחמן א"ר יונתן מ"ד (שמות יד) ולא קרב זה אל זה כל הלילה באותה שעה בקשו מלאכי השרת לומר שירה לפני הקב"ה אמר להן הקב"ה מעשה ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה לפני א"ר יוסי בר חנינא הוא אינו שש אבל אחרים משיש דיקא נמי דכתיב (דברים כח) והיה כאשר שש ה' וגו' כתיב ישיש ולא כתיב ישוש ש"מ :

(מ"א כב) **לב והזונות** רחצו וגו' א"ר אלעזר למרק שתי חזיונות אחת של מיכיהו ואחת של אליהו במיכיהו כתיב (שם) אם שוב תשוב בשלום לא

מן הפורענות, לפלס שכר אינו אלא לקויו : ויעבור הרנה . מדלא כתיב רנה משמע הרנה המיוחדת שהיתה עתידה לבא שהכר הוזכרה והיכן הוזכרה באבוד רשעים רנה והיה העולם מצפה מתי תבא הרנה איבודו של אחאב וכשנהרג עברה הוזכרה הרנה בפי הכל : בצאת לפני החלוץ. ביהושפט כתיב כשיצא להלחם בעמונים שבאו עליו : כי טוב . משמע כי טוב בעיניו הודאה ושמחה : כתיב ישיש ה' עליכם להאביד אתכם וגו'. ישיש אחרים שונאיכם :
והזונות רחצו . באחאב כתיב במיתתו : למרק . ללטוש ולהאיר כלומר רחצו והוכררו השתי הזיונות

שיצט ער נאר אויף דיא גוטע אבער ניט אויף דיא שלעכטע :

לא ויעבור . עס איז דורך געגאנגען אגיזאנג אין דער מחנה . רבי אחא בר חנינא זאגט אז ארשע ווערט פארלארין איז אגיזאנג . אז אחאב בן עמרי איז פארלארין געווארין איז געווען אגיזאנג : פרעגט דיא גמרא פרייט זיך דען גאט אז ארשע שטארבט . עס שטייט דאך אין פסוק ווען מען איז ארויס געגאנגען פאר דיא געוואפינטע אין דער מלחמה . האט מען גזאגט הודו לה' כי לעולם חסדו לויבט צו גאט ווארום זיין חסד איז אויף אייביג . האט רבי יונתן גזאגט פאר וואס שטייט ניט בייא דעם לויב כי טוב : הודו לה' כי טוב . ווייל גאט פרייט זיך ניט אז רשעים שטארבין . דריבער איז דער לויב פון אמלחמה ניט גוט בייא גאט . ווארום רבי שמואל בר נחמן האט גזאגט פון רבי יונתנס וועגין עס שטייט אין פסוק ווען דיא מצרים האבין געיאגט דיא יודין אגאנצע נאכט האט ניט גינענט איינער צום אנדערין . דאס מיינט מען דיא מלאכים האבען ניט גינענט איינער צום אנדערין צו זאגין שירה . ווארום אין דיא צייט ווען דיא מצריים האבין גיטרונקען אין ים . האבין דיא מלאכים גיוואלט זאגין שירה פאר גאט , האט גאט גזאגט צו דיא מלאכים דיא מענטשין וואס איך האב בשאפין ווערין דער טרונקען אין ים . אונ איר ווילט זאגין שירה פאר מיר . זעהן מיר דאך אז גאט פרייט זיך ניט ווען רשעים שטארבין . האט רבי יוסי בר חנינא גזאגט גאט אליין פרייט זיך ניט אז רשעים שטארבין . אבער ער דער פרייט אנדערע מענטשין . דיא וואס האבין פיינט גיהאט דעם רשע פרייען זיך ווען דער רשע שטארבט . פון פסוק זעהט מען אויך אזוי . עס שטייט אין פסוק ישיש . גאט וועט מאכען אנדערע זאלין זיך פרייען . אונ עס שטייט ניט ישוש ער אליין וועט זיך פרייען . ווארום גאט אליין פרייט זיך ניט אז רשעים שטארבין . אבער די וואס האבען פיינט גיהאט די רשעים פרייען זיך יא :

לב והזונות רחצו . ביי אחאב שטייט ווען מען הט אים גיהרגט אונ דיא בלוט איז ארויין גיגאסען גיווארין אין זיין רייט וואגין . דער נאך האט מען אויס גיגאסען די בלוט נעבין אקוואל אונ דיא הינט האבען גילעקט זיין בלוט . אונ דיא זונות האבען זיך גיוואשען . זאגט רבי אלעזר מען זאל ניט לייענען והזונות . נאר מען זאל לייענען והחזיונות . דיא נבואות . דיא צוויי נבואות איינע פון מיכיהו אונ די אנדערע פון אליהו . זענען גיוואשען אונ קלאר גיווארין . דאס מיינט מען זייא זענען מקוים גיווארין . מיכיהו הט גזאגט צו אחאב אויב דוא וועסט קומען צוריק אהיים לעבעדיג פון דער מלחמה . הט ניט גאט גירעט מיט מיר . אונ אליהו הט גזאגט צוא

שנאמר עליו: מצונן היה. לא היה אוהב תשמיש: דמות שתי זונות כו'. והיינו דאמר אוקן ב' צורות זונות כדאמר מדמו: להמם. להשלים: מאי קאמר. מאי קרא מה ענין ועובדיהו היה ירא אצל ויקרא אחאב: במברכם. כתיב ירא אלהים אתה ולא כתיב מאד: מפני מה זכה לנביאות.

לא דבר ה' בי באליהו כתיב (שם כא) במקום אשר לקקו הכלבים את דם נבות. רבא אמר זינות ממש אחאב איש מצונן היה ועשתה לו איזבל ב' צורי זונות במרכבתו כדי שיראה אותם ויתחמם (שם כב) ואיש משך בקשת לתומו ויכה וגו' ר' אלעזר אומר לפי הומו רבא אמר להמם שתי חזיונות אחת של מיכיהו ואחת של אליהו:

לג כתיב (מ"א יח) ויקרא אחאב אל עובדיהו אשר על הבית ועובדיהו היה ירא את ה' מאד מאי קאמר [קרא] (א"ל) [אמר] רבי יצחק הכי א"ל ביעקב כתיב (בראשית ל) נחשתי ויברכני ה' בגללך וביוסף כתיב (שם לט) ויברך ה' את בית המצרי בגלל יוסף וביתיה דההוא גברא לא קא מבריך שמא לא ירא אלהים הוא יצאת בת קול ואמרה ועובדיהו היה ירא את ה' מאד וביתו של אחאב אינו מזומן לברכה. אמר (רבא) [ר' אבא] גדול שנאמר בעובדיה יותר כמה שנאמר באברהם אבינו דאילו באברהם לא כתיב מאד ובעובדיה כתיב מאד. וא"ר יצחק מפני מה זכה עובדיה לנביאות מפני שהחביא מאה נביאים במערה דכתיב (מ"א יח) ויהי בהכרית איזבל את נביאי

אחאב אויף דעם ארט וואו דיא הינט האבען גילעקט דיא בלוט פון נבות. ווערין זייא לעקין דיין בלוט. אונ אזוי איז טאקי גיוועזען. רבא זאגט והזונות רחצו מיינט מען די זונות האבען זיך גיוואשין. ווארום אחאב איז גיוועזען אקאלטער מענטש. אונ ער פלעגט זיך ניט בהעפטין מיט זיין ווייב נאר אמאהל אין אלאנגע צייט. האט זיין ווייב איזבל גימאכט צוויי צורות פון זונות אונ האט זייא אריין גישטעלט אין זיין רייט וואגין ער זאל זייא זעהן וועט ער דער היצט ווערין צו זיין ווייב. אונ ווען דער רייט וואגין איז פול גיווארין מיט בלוט. זענען דיא צווייא בילדער פון זונות גיוואשין גיווארין אין דעם בלוט פון אחאב. עס שטייט אין פסוק ואיש משך בקשת לתומו. אמענטש האט גיצויגין מיט זיין בויגין צו זיין גאנצקייט אונ דער פייל איז גיפאלען אויף דיא פרייצעס פון אחאב אונ האט אים גיהרגת. רבי אלעזר זאגט צו זיין גאנצקייט מיינט מען ער האט ניט אין זינען גיהאט צו הרגנען אחאב. נאר דער פייל איז גיפאלין אויף אחאב. רבא זאגט צוא זיין גאנצקייט מיינט מען דער פייל איז גיקומען אויף אחאב אונ האט אים גיהרגת. גאנץ צו מאכין דיא צווייא נבואות: איינע פון מיכיהו אונ איינע פון אליהו אזוי וויא פריער שטייט:

לג כתיב. עס שטייט אין פסוק אחאב האט גירופין צו עובדיהו וואס ער איז גיוועזען דער בעל הבית פון אחאבס שטוב. אונ עובדיהו האט גיהאט גרויס מורא פאר גאט. פרעגט דיא גמרא וואס זאגט דער פסוק. רבי יצחק זאגט אזוי האט אחאב גזאגט צו עובדיהו. ביי יעקב שטייט לבן האט גזאגט צו יעקב איך האב גיפרובט אונ האב גיזעהן אז גאט האט מיך גיבענשט פון דיינעטוועגין. ביי יוסף שטייט גאט האט גיבענשט דיא הויז פון מצרי פון וועגין יוסף. אונ מיין שטוב איז ניט גיבענשט גיווארין דורך דיר. טאמער ביסטו גאר ניט פרום אונ האסט ניט מורא פאר גאט. איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גזאגט עובדיהו האט שטארק מורא פאר גאט. נאר דיא שטוב פון אחאב איז ניט ווערט זיא זאל גיבענטשט ווערין. רבי אבא זאגט דער פסוק זאגט אויף עובדיהו מער וויא ער זאגט אויף אברהם אבינו. ביי אברהם שטייט איצט זעה איך דו האסט מורא פאר גאט. אונ עס שטייט ניט מאוד. שטארק מורא. אונ ביי עובדיהו שטייט מאוד. ער האט גיהאט שטארק מורא פאר גאט. נאך האט רבי יצחק גזאגט פאר וואס האט עובדיה זוכה גיוועזען צו זיין אנביא. ווייל ער האט בעהאלטין הונדערט נביאים אין אקעלער. איזבל זאל זייא ניט הרגנן. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ווען איזבל האט פארשניטען דיא נביאים פון גאט. האט עובדיה גינומען הונדערט נביאים אונ ער האט זייא בעהאלטין פופציג. אין איין קעלער. אונ פופציג אין

נביאי ה׳ ויקח עובדיהו מאה נביאים ויחביאם חמשים (חמשים) איש במערה מ״ש חמשים (המשים) [איש] א״ר אלעזר מיעקב למד שנא׳ (בראשית לב) והיה המחנה הנשאר לפליטה ר׳ אבהו אמר לפי שלא היתה המערה מחזקת יותר מהמשים (איש). (עובדיה א) חזון עובדיה כה אמר ה׳ אלהים לאדום מאי שנא עובדיה לאדום א״ר יצחק אמר הקב״ה יבא עובדיה שדר בין שני רשעים ולא למד ממעשיהם ויתנבא על עשו שדר בין ב׳ צדיקים ולא למד ממעשיהם אמר אפרים מקשאה תלמידו של ר׳ מאיר [משום ר״מ] עובדיה גר אדומי היה והיינו דאמרי אינשי מניה וביה אבא ליזיל ביה נרגא:

(ש״ב ח) **ויך** את מואב וימדדם בחבל השכב אותם ארצה וימדד שני חבלים להמית וגו׳ אמר [ר׳ יוחנן משום] ר׳ שמעון בן יוחאי היינו דאמרי אינשי מיניה וביה אבא ליזיל ביה נרגא. כי אתא רב דימי אמר ירך מתוכה מסרחת (מ״ב ג) ויקח

סברי גר היה כדלקמן ואין הסכינה שורה אלא על המיוחסין שבישראל כדכתיב להיות לך [לאלהים] ולזרעך אחריך: מאי שנא חמשים. ולא החביאם כל המאה במערה אחת: אין מערה מחזקת יותר מחמישים. מערות שלו לא היו מחזיקות יותר: מאי שנא עובדיה לאדום. הואיל ולא נתנבא נבואה אחרת למה נבחר לזה מבאר הנביאים: שני רשעים. אחאב ואיזבל: שני צדיקים. יצחק ורבקה: מיניה וביה אבא ליזיל ביה נרגא. אבא יער מעצמו של יער יכנס בתוך הגרזן להיות בית יד ויקצצו בו את היער וכן עובדיה לאדום ודוד למואב והוא יצא מרות המואביה:

איין אנדער קעלער. פאר וואס האט ער בעהאלטין פופציג אין אקעלער. און ניט די גאנצע הונדערט אין איין קעלער. האט רבי אלעזר גזאגט עובדיה האט אפ גילערונט פון יעקב. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק יעקב האט צו טיילט זיינע מענטשין מיט זיין גאנץ פאר־מעגין אין צווייא טייל. און ער האט גזאגט אויב עשו וועט קומען צו איין מחנה. וועט די אנדערע מחנה אנטרונען ווערין. אזוי האט עובדיה אויך גיטראכט טאמער וועט איזבל געפינען איין קעלער מיט נביאים. וועלין דיא נביאים פון אנדערין קעלער אנטרונען ווערין. רבי אבהו זאגט דריבער האט עובדיה בעהאלטין נאר פופציג נביאים אין אקעלער. ווייל דיא קעלערס זענען גיוועז קליינע. און מער וויא פופציג מענטשין אין אקעלער האט ניט גיקענט זיין. עס שטייט אין פסוק חזון עובדיה. דיא נבואה פון עובדיה. אזוי האט גאט גזאגט צו אדום.

פאר וואס האט עובדיה נביאות גזאגט אויף אדום. און ניט קיין אנדער נביא. האט רבי יצחק גזאגט גאט האט גזאגט זאל קומען עובדיה וואס ער האט גיוואנט צווישען צווייא רשעים (אחאב און איזבל). און ער האט ניט אפגילערונט זייערע שלעכטס. און ער זאל נביאות זאגין אויף עשו וואס ער האט גיוואנט צווישען צווייא צדיקים (יצחק און רבקה) און ער האט ניט אפגילערונט זייערע פרומקייט. אפרים מקשאה דער תלמיד פון רבי מאיר האט גזאגט פון רבי מאירס וועגין עובדיה איז גיוועזן אגר פון אדום. דריבער האט ער נביאות גזאגט אויף אדום אז גאט וועט זייא שטראפין. דאס איז וואס מענטשין זאגין פון דעם וואלד נעמט מען אהאלץ אריין צו שטעקין אין דיא האק אוים צו האקין דעם וואלד:

ויך. דוד המלך הט גישלאגין מואב. ער האט זיי אוים גילייגט אויף דיא ערד. און ער הט זייא גימאסטען מיט אשטריק. ער האט אפ גימאסטין צוויי מאהל מיט דעם שטריק און ער האט זייא גיהרגת. דער נאך האט ער גימאסטען איין מאהל מיט דעם שטריק און ער האט זיי גילאזט לעבין. צוויי דריטול פון מואב האט ער גיהרגת. און איין דריטול האט ער גילאזט לעבין. פר וס האט דוד אזו גישלאגן די מואבים. רבי יוחנן זאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין דאס איז וואס מענטשין זאגין פון דעם וואלד נעמט מען אהאלץ אריין צוא שטעקין אין די האק אוים צו האקין דעם וואלד. ווייל דוד איז פון מואב (פון רות המואביה) דריבער הט ער גישלאגין דיא מואבים. אז רב דימי איז גיקומען הט ער גזאגט אפאלקע פליישׁ אז זיא ווערט אלט הייבט זי אן צו שטינקען פון זיך אליין. אזוי איז מואב גיהרגת גיווארין פון זיך אליין. דוד וואס ער איז פון מואב האט ער גיהרגת דיא מואבים. עס שטייט אין

ויקח את בנו הבכור אשר ימלוך תחתיו ויעלהו עולה על החומה רב ושמואל חד אמר לשם שמים וחד אמר לשם ע"ז בשלמא למ"ד לשם שמים היינו דכתיב (שם) ויהי קצף גדול על ישראל אלא למ"ד לשם ע"ז מאי ויהי קצף גדול על ישראל כדר' יהושע בן לוי דריב"ל רמי כתיב (יחזקאל ה) וכמשפטי הגוים אשר סביבותיכם לא עשיתם וכתיב (שם יא) וכמשפטי וגו' עשיתם כמתוקנים שבהם לא עשיתם אבל כמקולקלים שבהם עשיתם. (מ"ב ג) ויסעו מעליו וישובו לארץ אמר ר' חנינא בר פפא אותה שעה ירדו שונאיהם של ישראל למדרגה התחתונה. (מ"א א) והנערה יפה עד מאד א"ר חנינא בר פפא עד ין לא הגיעה לחצי יופיה של שרה דכתיב עד מאד ולא מאד בכלל:

אמר

פירוש

תשוקה מסרחת. מגופה ומתוך עוביה מתחיל הסרחון: כמתוקנין שבהם לא עשיתם. כגון עגלון מלך מואב שהיה מכבד את השם כשאמר לו אהוד דבר אלהים לי אליך המלך מיד ויקם מעל הכסא: כמקולקלין שבהם. כגון מישע מלך מואב שהקריב בנו לע"ז כך היו ישראל עושין ובאותה שעה מכר להם אותו עון שהיו רגילים גם הם בו: לארץ. מדלא כתיב לארצם ה"ק לשפלות ולתחתית שבו שנגזר עליהם פורענות: ולא מאד בכלל. ובשרה כתיב כי יפה היא מאד והאי קרא דאבישג נקט למדרש הכא משום דהכא דלע"ל דדרים מאד דכתיב בעובדיה:

פסוק דער מלך פון מואב הט גינומען זיין עלצטין זוהן וואס ער וואלט געקיניגט נאך אים אונ ער האט אים ארויף געבריינגט אויף דיא מאהער אונ האט אים מקריב גיוועז פר אעולה. רב אונ שמואל קריגען: איינער זאגט ער הט אים מקריב גיוועז צו גאט. אונ איינער זאגט ער האט אים מקריב גיוועז צו דער עבודה זרה. זאגט דיא גמרא נאך דעם ווס זאגט אז ער הט מקריב גיוועז זיין זוהן צו גאט. איז רעכט ווס עס שטייט אין פסוק עס איז גיוועז אגרויסער כעס פון גאט אויף די יודין ומאדאך דער מלך פון מואב ווס ער איז אגוי האט ער געדינט צו גאט אונ האט מקריב גיוועז צו אים זיין עלצטע קינד. אונ די יודין האבען ניט גיוואלט דינען צו גאט]. אבער דער ווס זאגט אז ער הט מקריב גיוועז דעם זוהן צו די עבודה זרה. פאר וואס איז גיוועז אגרויסער כעס אויף די יודין. זאגט די גמרא דער כעס איז גיוועז אזוי ווי רבי יהושע בן לוי הט גזאגט. ווארום רבי יהושע בן לוי הט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט אזוי ווי דער פירונג פון דיא פעלקער ווס ארום אייך הט איר ניט גיטאהן. אונ אין אנדערין פסוק שטייט אזוי וויא דער פירונג פון די פעלקער ווס ארום אייך הט איר יא גיטאהן. וויא די גוטע גוים האבען גיטאהן הט איר ניט גיטאהן [למשל עגלון דער מלך פון מואב אז אהוד האט גזאגט צו אים איך האב מיט דיר צו ריידען אגעטליכע זאך. איז עגלון אויף גישטאנען פון זיין שטוהל: אונ האט גיגעבין כבוד צו גאט. אונ איר גיט ניט קיין כבוד צו גאט]. אונ ווי די שלעכטע גוים האבען גיטאהן. הט איר יא גיטאהן [אזוי וויא דער מלך פון מואב האט מקריב גיוועז זיין זוהן צו די עבודה זרה. אזוי פלעגט איר אויך מקריב זיין אייערע קינדער צו דיא עבודה זרה]. אונ דער מלך פון מואב האט דער מאנט פר גאט דעם כעס אויף דיא יודין. דער נאך האבען דיא יודין אפ גיצויגען פון מואב אונ זיי האבען צוריק גיקערט לארץ. רבי חנינא בר פפא זאגט וואלסט ניט טייטשין לארץ צום לאנד. נאר לארץ מיינט מען צו דיא ערד. אין דער צייט האבען דיא יודין אראפ גענידערט ביז צו דיא ערד. מען הט אויף זיי גוזר גיוועזן שלעכטע גזרות: עס שטייט אין פסוק די נערה [אבישג השונמית] איז גיוועזן שיין ביז מאד: רבי חנינא בר פפא זאגט די אבישג איז נאך ניט גיקומען ביז צו די העלפט שיינקייט פון שרה. ווארום ביי שרה שטייט יפה מאד. זי איז גיוועזן זייער שיין. אונ ביי אבישג שטייט זי איז גיוועזן שיין ביז מאד. ביז זייער. אבער ניט זייער שיין:

היו בודקין פרק החמישי

(דף מא ע"ב) **א אמר** רב אחא בר' חנינא א"ר אסי א"ר יוחנן עד כמה מברכין על החדש עד שתתמלא פגימתה וכמה א"ר יעקב בר אידי אמר רב יהודה עד שבעה נהרדעי אמרי עד י"ו (דף מב) ותרוייהו כר' יוחנן ס"ל הא למהוי כי יתירא הא למהוי כי נפיא אמר ליה רב אחא מדפתי לרבינא וליבריך הטוב והמטיב א"ל אטו כי חסר מי מברכינן ויין האמת [דלברך הטוב והמטיב] וליברכינהו לתרוייהו כיון דהיינו אורחיה לא מברכינן:

ב ואמר רב אחא בר' חנינא (אמר רב אסי) א"ר יוחנן כל המברך על החדש בזמנו כאילו מקבל פני שכינה כתיב הכא (שמות יב) החדש הזה

עד כמה מברכין. אם לא בירך היום יברך למחר: על החדש. על הלבנה בהתחדשה: עד שתתמלא פגימתה. אבל בתר הכי לא פייך למימר מחדש חדשים שהרי כבר נופנה היא: ותרוייהו כרבי יוחנן. במילתיה דרבי יוחנן פליגי ועד שתתמלא ס"ל מיהו רב יהודה סבר מילוי פגימתה דקאמר רבי יוחנן למיהוי כי יתירא דהואי כמו יתר של קשת שהוא כל פגימת הקשת מלאה עד היתר דהיינו חצי העיגול והאי לסוף ז' הוא ונהרדעי סברי מלוי פגימה דקאמר רבי יוחנן עד שתהיה כי נפיא עגולה במלואתה: וליבריך הטוב והמטיב. אדרב יהודה פריך נהי נמי דמשבעה ואילך ליכא למימר מחדש חדשים ניבריך מיהא הטוב והמטיב שכל שעה הוא מטיב לנו במילואתה המיד שמוספת להאיר לעולם: אטו כי חסר. מהדרינן ליה רעה לגבן לברך דיין האמת דנהדוב את מילואתה טיבותא לברוכי הטוב והמטיב: וניברך לתרוייהו. דיין האמת בחסרונה וטוב ומטיב במילואתה: דהיינו אורחיה. בכל חודש בריאת עולם כמנהגו היא ואין כאן דין פורענות בחסרונה ולא הטבתה לנו חסד במילואתה:

דיין

פרק חמישי

א אמר. רב אחא בר' חנינא הט גזאגט רב אסי האט גזאגט פון רבי יוחנן'ס וועגן ביז וויא פיל טעג אין חודש מעג מען מחדש זיין דיא לבנה. ביז עס וועט פול ווערן איר פגימה; וויא פיל טעג אין חודש איז דאס. רבי יעקב בר אידי האט גזאגט פון רבי יהודה'ס וועגן ביז זיבען טעג אין חודש. די נהרדעי זאגין ביז זעכצעהן טעג אין חודש. אונ ביידע האלטען וויא רבי יוחנן ביז דיא פגימה פון דער לבנה וועט פול ווערין. נאר זייא קריגען וואס מיינט מען פול ווערין. רבי יעקב בר אידי זאגט מען מיינט זיא זאל ווערין פר גלייכט אזוי ווי דער שטריק פר גלייכט דעם פייל'ס בויגין. ווארום באלד ווי די לבנה קומט אין אנהייב חודש: איז זי אזוי (. אונ אלע טאג ווערט זיא פולער אינוויינין. אונ ביז זיבען טעג איז זיא אין גאנצין פול: דער נאך טאר מען שוין ניט מחדש זיין דיא לבנה. ווארום זיא הייסט שוין ניט אנייע לבנה. נאר אאלטע לבנה. אונ דיא נהרדעי זאגין אז מען מעג מחדש זיין דיא לבנה ביז זיא ווערט קיילעכדיג וויא אזוי. אונ ביז זעכצעהן טעג דארט זיא זאל אין גאנצען ווערין קיילעכדיג. רב אחא מדפתי הט גזאגט צו רבינא נאך רבי יהודה וואס ער זאגט אז נאך זיבען טאג איז מען שוין ניט מחדש דיא לבנה: אבער אברכה הטוב והמטיב דארף מען דאך זאגין. ווארום אלע טאג פאר בעסערט זיך דאך דיא ליכטיגקייט פון דיא לבנה. ביז זיא ווערט קיילעכדיג. האט רבינא גזאגט צו רב אחא אזו וויא דיא לבנה ווערט קלענער זאגט מען ניט דיין האמת. ווייל וואס דיא לבנה ווערט קלענער הייסט ניט קיין שרעכטס. אזוי וואס דיא לבנה ווערט גרעסער הייסט ניט קיין גוטס מען זאל דארפין מאכען אברכה הטוב והמטיב. פרעגט דיא גמרא זאל מען זאגין ביידע ברכות. ביז האלב חודש וואס דיא לבנה ווערט אלע טאג גרעסער אונ ליכטיגער. זאל מען מאכען אברכה הטוב והמטיב. אונ נאך האלב חודש וואס די לבנה ווערט אלע טאג קלענער אונ טינקעלער. זאל מען מאכען אברכה דיין האמת. ענפערט דיא גמרא ווייל דער בשאפונג פון דער וועלט איז אזוי. די לבנה זאל קלענער אונ גרעסער ווערין. דריבער דארף מען ניט מאכען אברכה:

ב ואמר: נאך האט רב אחא בר' חנינא גזאגט רב אסי האט גזאגט פון רבי יוחנן'ס וועגין דער וואס איז מחדש דיא לבנה אין דער צייט. איז גלייך וויא ער וו אלט אויף גינומען דעם פנים פון דיא שכינה. ווארום ביי דיא לבנה שטייט החודש הזה. אונ ביי גאט שטייט זה

וכתיב התם (שם טו) זה אלי ואנוהו תנא דבי ר' ישמעאל אלמלא (לא) זכו ישראל אלא להקביל פני אביהן שבשמים כל חדש וחדש דיין אמר אביי הלכך נימרינהו מעומד מרימר ומר זוטרא מכתפי (אהדדי) ומברכי א"ל רב אחא לרב אשי במערבא מברכי ברוך מחדש חדשים א"ל האי נשי דידן נמי מברכי אלא כדרב יהודה דאמר רב יהודה ברוך אתה ה' אשר במאמרו ברא שחקים (וברוח פיו כל צבאם חוק וזמן נתן להם שלא ישנו את תפקידם ששים ושמחים לעשות רצון קונם פועלי אמת שפעולתן אמת וללבנה אמר שתתחדש עטרת תפארת לעמוסי בטן שהן עתידין להתחדש כמותה ולפאר ליוצרם על שם כבוד מלכותו ברוך אתה ה' מחדש חדשים).

(משלי כד) ג כי בתחבולות תעשה לך מלחמה א"ר אחא בר' חנינא א"ר אסי א"ר יוחנן במי אתה מוצא מלחמתה של תורה במי שיש בידו חבילות של משנה קרי רב יוסף אנפשיה (שם יד) ורב תבואות בכח שור:

פירוש

דיין אילו לא זכו למצוה אחרת אלא לזו שמקבלין פני שכינה פעם אחת בחודש כדאמרן בגזירה שוה: אמר אביי. הואיל ומקבל פני שכינה: מעומד. בעי לברוכי מפני כבוד שכינה שהוא מקבל: תפקידם. חוק שצויתים להתנהג בסילוק תקופותיהם: ששים ושמחים. כדכתיב ישיש כגבור: פועלי אמת. הם שאינם משנים את דרכם: וללבנה אמר הקב"ה שתתחדש בכל חדש: עטרת תפארת. היא זו: לעמוסי בטן. סימן הוא להם שאף הם דומין לה עתידים להתחדש כגאולתן כמותה ולפאר ליוצרם ע"כ:

מלחמתה של תורה. קושיותיה ולעמוד על בוריה ועל עיקרה לא כאדם המפולפל ומחודד ובעל סברא ולא למד משניות וברייתות הרבה כי מהיכן יתגלה לו הסוד אלא בבעל משניות הרבה שאם יצטרך לו טעם בכאן ילמדנו מתוך משנה אחרת או אם יקשה לו דבר על דבר יבין מתוך משניות הרבה שבידו הא תני פלוני היא שמשמיעה במקום אחר הוא כך:

מצאו

אֵלִי וְאַנְוֵהוּ. לֶערְנֶען מִיר אַגְזֵרָה שָׁוָה זֶה זֶה אַז מֶען אִיז מְחַדֵשׁ דִי לְבָנָה אִיז גְלַייךְ וִויא מֶען וָואלְט גִיזֶעהן דִיא שְׁכִינָה אוּנ מֶען וָואלְט גְזָאגְט זֶה אֵלִי. דְבֵי רַבִּי יִשְׁמָעֵאל הָאבֶּען גִירֶעדְט וֶוען יוּדִין וָואלְטִין נִיט זוֹכֶה גִיוֶועֶן צוּ קֵיין אַנְדֶער מִצְוָה. נָאר צוּ דִיא אֵיין מִצְוָה מְחַדֵשׁ צוּ זַיין דִיא לְבָנָה יֶעדֶער חוֹדֶשׁ וָואס דָאס אִיז גְלַייךְ וִויא עֶר וָואלְט אוֹיף גִינוּמֶען דֶעם פְּנִים פוּן דֶעם פָּאטֶער וָואס אִין הִימֶעל אַלֶע חוֹדֶשׁ. וָואלְט אוֹיךְ פַאר יוּדִין גִינוּג גִיוֶועֶן. אַבַּיֵי זָאגְט דְרִיבֶּער דַארְף מֶען מְחַדֵשׁ זַיין דִיא לְבָנָה שְׁטֵייֶענְדִיג. מְרֵימַר אוּנ מַר זוּטְרָא הָאבֶּען אַרוֹיף גִילֵייגְט דִי הֶענְט אֵיינֶער אוֹיף דֶעם חַבֵרְס אַקְסִיל אוּנ הָאבֶּען מְחַדֵשׁ גִיוֶועֶן דִיא לְבָנָה. רַב אַחָא הָאט גְזָאגְט צוּ רַב אַשִׁי אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מַאכְט מֶען אַבְּרָכָה בָּרוּךְ מְחַדֵשׁ חֳדָשִׁים. הָט רַב אַשִׁי גְזָאגְט אַזוֹי אַבְּרָכָה מֶעגִין דָאךְ וַוייבֶּער אוֹיךְ זָאגִין. אַבְּרָכָה אָן הַשֵׁם אִיז גָאר נִיט קֵיין בְּרָכָה. נָאר מֶען זָאל זָאגִין אַזוֹי וִויא רַב יְהוּדָה הָט גְזָאגְט [וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין דִי סִדוּרִים]:

ג כִּי בְּתַחְבּוּלוֹת תַּעֲשֶׂה לְךָ מִלְחָמָה. רַב אַחָא בְּרַבִּי חֲנִינָא זָאגְט רַבִּי אַסִי הָט גְזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹחָנָן וֶועגִין בַּיי וֶועמֶען גֶעפִינְט מֶען דִיא מִלְחָמָה פוּן דֶער תּוֹרָה. בַּיי וֶועלְכִין לַמְדָן קֶען מֶען גֶעפִינֶען אַאֱמֶתִין דִין. וַוייל עֶר וֵייס מִלְחָמָה צוּ הַאלְטִין אִין דִיא תּוֹרָה. צוּא פַאר עֶנְפֶערִין תֵּירוּצִים אוֹיף דִי קֻשְׁיוֹת וָואס מֶען וֶועט אִים פְרֶעגִין. דָס אִיז נָאר בַּיי דֶעם לַמְדָן וָואס עֶר הָאט בִּינְטְלַאךְ מִיט מִשְׁנַיוֹת אוּנ בְּרַייְתוֹת. עֶר הָט גִילֶערְנְט פִיל מִשְׁנוֹת אוּנ בְּרַייְתוֹת. אוּנ אַזוֹי מֵיינְט דֶער פָּסוּק כִּי בְּתַחְבּוּלוֹת. אַז דוּ וֶועסְט הָאבֶּען בִּינְטְלַאךְ מִיט מִשְׁנוֹת אוּנ בְּרַייתוֹת. תַּעֲשֶׂה לְךָ מִלְחָמָה. וֶועסְטוּ קֶענֶען מִלְחָמָה הַאלְטֶען אִין דֶער תּוֹרָה. וֶועסְטוּ קֶענֶען עֶנְפֶערִין תֵּירוּצִים צוּ דִי אַלֶע קֻשְׁיוֹת וָואס מֶען וֶועט דִיר פְרֶעגִין. רַב יוֹסֵף הָאט אוֹיף זִיךְ גִיזָאגְט דֶעם פָּסוּק וְרַב תְּבוּאוֹת בְּכֹחַ שׁוֹר. אַזוֹי וִויא דוּרְךְ דֶעם אַקֶער פוּן אָקְס [אַז דֶער אָקְס הָאקֶערְט מִיט כֹּחַ אוּנ דֶער אַקֶער גְרָאבְּט טִיף אִין דִיא עֶרְד] וַואקְסְט פִיל תְּבוּאוֹת. צוּ גֶעבִּין לֶעבִּין אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּם גוּף. אַזוֹי דוּרְךְ מַיין לֶערְנֶען מִיט כֹּחַ טָאג אוּנ נַאכְט הָאבּ אִיךְ אַיין גִיזַאמֶעלְט פִיל מִשְׁנוֹת אוּנ בְּרַייתוֹת צוּא וִויסֶען אַלֶע דִינִים צוּא גֶעבִּין לֶעבִּין אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּא דִי נְשָׁמוֹת]:

ד ופיסקא] מצאו לו זכות וכו' ולא היו שותין יין כל היום וכו' יין מ"ט לא א"ר אחא בר חנינא אמר קרא (משלי לא) ולרוזנים אי שכר העוסקין ברזו של העולם אל ישתכרו:

שתטרוף דעתו. ולא ידאג ויתחמם בהריגתו: זובח את יצרו. לאחר שהסיתו לעבירה הוא זובחו וסורגו ושב בתשובה ומתודה עליו. שני עולמין דרים לפני פכודים: זבחי אלהים. לשון רבים משמע: לא הכזה. היו דרכו לכנותו:

נגמר הדין פרק ששי

(דף מג) א אמר רב חייא בר רב אשי אמר רב חסדא היוצא ליהרג משקין אותו קורט של לבונה בכוס של יין כדי שתטרף דעתו שנא' (משלי לא) תנו שכר לאובד ויין למרי נפש ותניא נשים יקרות שבירושלים היו מתנדבות ומביאות אותן לא התנדבו נשים יקרות משל מי הא ודאי מסתברא משל ציבור כיון דכתיב תנו מדידהו:

(סס ע"ב) ב א"ר יהושע בן לוי כל הזובח את יצרו ומתודה עליו מעלה עליו הכתוב כאילו כבדו להקדוש ב"ה בשני עולמין בעולם הזה ובעולם הבא דכתיב

ד פיסקא. מצאו. דיא דיינים וואס פר זייא איז גישטאנען אמענטש צום משפט אויב מען זאל אים הרגנן אדער ניין. אויב די דיינים האבען גיפונען א זכות פאר אים. אז מען דארף אים ניט הרגנן. האט מען אים באלד גיהייסען גיין אהיים. אבער אז זייא האבען גיזעהן מען וועט אים יא דארפין הרגנן. האבען זייא אפ גילייגט דעם משפט אויף מארגין. אונ דעם גאנצען טאג אונ די גאנצע נאכט האבען זייא נאר גידארפט קלערין אין דעם דין. אונ זייא האבען ניט גיטארט טרינקען וויין דעם טאג. פרעגט דיא גמרא פאר וואס האבען זייא ניט גיטארט טרינקען וויין. האט רבי אחא ברבי חנינא גזאגט עס שטייט אין פסוק ולרוזנים אי שכר. דיא מענטשין וואס זענען בשעפטיגט אין דיא סודות פון דער וועלט (צו וויסען דעם אמת אויב מען דארף אמענטשין הרגנן אדער ניין. זאלין זייא ניט טרינקען קיין וויין טאמער וועלין זייא שכור ווערין. אונ וועלין פאלש פסקנן. אונ וועלין הרגנן אמענטשין אומזיסט וואס דאס איז גלייך ווי זייא וואלטין פר לירען אגאנצע וועלט (עיין פ"ד משנה כיצד]:

פרק ששי

אמר. רב חייא בר רב אשי האט גזאגט פון רב חסדאס וועגין דער מענטש וואס מען פירט אים צום הרגנן גיט מען אים טרינקען אגלאז וויין אונ אין דיא וויין לייגט מען ארייין אשטיקול לבונה. ער זאל פאר מישט ווערין אונ זאל נישט וויסען וואו הין מען פירט אים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גיט אלטען וויין שטארקין צו דעם מענטש וואס ווערט פר לארין. אונ וויין זאלט איר געבין צו דעם מענטש וואס זיין הארץ איז אים פאר ביטערט. מיר האבען גילערנט דיא פרומע ווייבער וואס אין ירושלים פלעגין געבין אנדבה דיא וויין, אז דיא פרומע ווייבער האבען ניט גיברייננגט דיא וויין. פון וועמען האט מען גינומען די וויין. געווים האט מען גינומען געלט פון די שטאט קאסע אונ מען האט גיקויפט די וויין: ווייל עס שטייט תנו שכר לאובד. איר זאלט געבין וויין צום פאר לארענעם. צו וועמען זאגט מען איר זאלט געבין. געווים צו די מענטשין פון שטאט:

ב אמר. רבי יהושע בן לוי האט גזאגט דער וואס שעכט וער נעמט איין] זיין יצר הרע ודער יצר הרע זאל זיין וויא טויט ער זאל אים ניט אן ריידין צו עבירות] אונ ער איז זיך מתודה אויף דיא עבירות וואס ער האט גיטאהן. רעכונט אויף אים דער פסוק גלייך וויא ער וואלט גיגעבין כבוד צו גאט אין ביידע וועלטין. אויף דיא וועלט אונ אויף יענע וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זובח תודה יכבדנני. דער וואס שעכט דעם יצר הרע. ער זאל שוין מער ניט טאהן קיין עבירות אונ ער איז זיך מתודה אויף דיא עבירות וואס ער האט

בזאת וכזאת עשיתי בגמ' מפ' (טעננא במעל בחרמים אתכים) : שהוא מזומם. שהעדים שקרנים דכתיב (תהלים נ) זובח תודה יכבדנני ואמר ריב"ל (בא וראה כמה גדולים נמוכי הרוח לפני הקב"ה) בזמן שבית המקדש קיים אדם מקריב עולה שכר עולה בידו מנחה שכר מנחה בידו אבל מי שדעתו שפלה מעלה עליו הכתוב כאילו הקריב כל הקרבנות כולן שנאמר (תהלים נא) זבחי אלהים רוח נשברה ולא עוד אלא שאין תפלתו נמאסת שנאמר (שם) לב נשבר ונדכה אלהים לא תבזה

ג משנה היה רחוק מבית הסקילה כעשר אמות אומרים לו התודה שכן דרך כל המומתין מתודין שכל המתודה יש לו חלק לעה"ב שכן מצינו בעכן שא"ל יהושע (יהושע ז) בני שים נא כבוד לה' אלהי ישראל ותן לו תודה וגו' ויען עכן את יהושע ויאמר אמנה אנכי חטאתי וכזאת וגו' ומנין שכיפר לו וידויו שנאמר (שם) ויאמר יהושע מה עכרתנו יעכרך ה' היום הזה היום הזה אתה עכור ואי אתה עכור לעולם הבא ואם אינו יודע להתודות אומרים לו אמור תהא מיתתי כפרה על כל עונותי רבי יהודה אומר אם היה יודע שהוא מזומם אומר תהא מיתתי כפרה על כל עונותי חוץ מעון זה אמרו

גיטאָהן. גיט ער כָּבוֹד צו גאָט. אונ ווייל עס שטייט יְכַבְּדָנְנִי מיט צוויא נוני"ן. מיינט מען צווייא מאָהל כָּבוֹד. אויף דיא וועלט אונ אויף יענע וועלט:

נאָך האָט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי גזאָגט קום אונ זעה דער מענטש וואָס איז בייא זיך נידעריג וויא גרויס איז ער בייא גאָט. וואָרום ווען דער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ איז געשטאַנען אז אַמענטש האָט מַקְרִיב געווען אַעוֹלָה. האָט ער גיהאַט שָׂכָר פאַר אַעוֹלָה. אז ער האָט מַקְרִיב געווען אַמִנְחָה. האָט ער גיהאַט שָׂכָר פאַר אַמִנְחָה. אָבּער דער מענטש וואָס איז בייא זיך נידעריג. רעכענט אויף אים דער פָּסוּק גלייך וויא ער וואָלט מַקְרִיב געווען אַלע קָרְבָּנוֹת. אַזוֹי וויא עס שטייט אין פָּסוּק זִבְחֵי אֱלֹהִים רוּחַ נִשְׁבָּרָה. דער מענטש וואָס האָט אַצוּבּראָכין הַאַרְץ. איז גלייך וויא ער וואָלט מַקְרִיב געווען צו גאָט אַלע קָרְבָּנוֹת. אונ זיין תְּפִלָּה ווערט ניט פאַרמיאוסת בייא גאָט ניט אַזוֹי וויא אַמענטש אז פאַר אים קומט אַרייכער עפּעס בעטין. ענטפערט ער אים באַלד אונ גיט אים וואָס ער פאַרלאַנגט מיט אַפרייליך פָּנִים. צו ווייזין אז זיין גיבעט איז בייא אים אָן גינומען. אָבּער אז אַאָרעם מאַן קומט פאַר אים בעטין ענטפערט ער אים ניט באַלד. אונ גיט אים גאָר ניט. אונ אז ער גיט אים. איז דאָס מיט כַּעַס. אָבּער גאָט ענטפערט דעם צו בּראָכענעם מענטש פריער וויא ער ענטפערט דעם מענטש וואָס איז גרויס בייא זיך. אַזוֹי וויא עס שטייט אין פָּסוּק דער וואָס האָט אַצוּבּראָכין הַאַרְץ אונ אצושטוסענע. דעם וועט גאָט ניט פאַרשעמען:

ג משנה. הָיָה. אז ער איז געווען ווייט צעהן איילין פון דעם אָרט וואָס מען דאַרף אים פאַרשטיינען. זאָגט מען צו אים ער זאָל זאָגין וִדּוּי. אַזוֹי איז דער שטייגער דיא וואָס דאַרפין גיהַרגֶת ווערין זאָגין פריער וִדּוּי. אונ דער וואָס זאָגט וִדּוּי האָט עוֹלָם הַבָּא. אונ אַזוֹי געפינען מיר בייא עָכָן. יְהוֹשֻׁעַ האָט גזאָגט צו עָכָן מיין זוהן טוה כָּבוֹד צו גאָט אונ זיי מוֹדֶה דיין עֲבֵירָה. האָט עָכָן גיענטפערט צו יְהוֹשֻׁעַ אונ האָט גזאָגט אֱמֶת איך האָב געזינדיגט אונ אַזוֹי האָב איך גיטאָהן. האָט עָכָן גזאָגט וִדּוּי. אונ פון וואַנען ווייסין מיר אז דער וִדּוּי האָט מְכַפֵּר געווען זיינע זינד ער זאָל האָבין עוֹלָם הַבָּא. וואָרום עס שטייט אין פָּסוּק יְהוֹשֻׁעַ האָט גזאָגט צו עָכָן וואָס האָסטו אונז פאַרדאָרבין. זאָל גאָט דיך פאַרדאַרבין דעם היינטיגען טאָג. נאָר דעם היינטיגען טאָג ביסטו פאַרדאָרבין. אָבּער צו עוֹלָם הַבָּא ביסטו ניט פאַרדאָרבין. אונ אויב ער ווייסט ניט וויא צו זאָגין וִדּוּי. זאָגט מען צו אים. זאָג מיין טויט זאָל זיין אַכַּפָּרָה אויף מיינע אַלע עֲבֵירוֹת. רַבִּי יְהוּדָה זאָגט אויב ער ווייסט אז ער האָט דיא עֲבֵירָה ניט גיטאָהן נאָר דיא עֵדוּת זענען פאַלשע זייא האָבין אים גיבראַכט אויף אים אַליגען. זאָל ער זאָגין מיין טויט זאָל זיין

אמרו לו א"כ יהו כל אדם אומר כן כדי לנקות עצמו :
ד ת"ר [נא] אין נא אלא לשון בקשה בשעה שאמר ליה הקב"ה ליהושע (יהושע ז) חטא ישראל אמר לפניו רבש"ע מי חטא א"ל הקב"ה וכי דלטור אני לך הפל גורלות הלך והפיל גורלות ונפל הגורל על עכן א"ל (עכן) יהושע בגורל אתה בא עלי אתה ואלעזר הכהן שני גדולי הדור אתם אם אני מפיל עליכם גורל על אחד מכם הוא נופל א"ל בבקשה ממך אל תוציא לעז על הגורלות שעתידה א"י שתתחלק בגורל שנאמר (במדבר כ) אך בגורל (תהלק) [יחלק את] הארץ תן תודה אמר רבינא שחודי שחדיה במילי א"ל כלום אני מבקש ממך אלא הודאה תן (לו) תודה והפטר [יהושע ז) ויען עכן את יהושע ויאמר אמנה אנכי חטאתי לה' אלהי ישראל וכזאת וכזאת עשיתי א"ר אסי א"ר חנינא מלמד שמעל עכן בשלש חרמים שנים בימי משה ואחד בימי יהושע שנאמר וכזאת וכזאת עשיתי ר' יוחני אמר משום ר' אלעזר בר' (יהושע) [שמעון] המשה

ובמחשבתם הרעה יהרג הוא: יהא כל אדם. אף המומתים יהו אומרים כן לנקות את עצמן מן העבירות ויוציאו לעז על העדים והדיינים:
שים נא כבוד. נא בקשה: דלטור. רכיל: א"ל עכן יהושע בגורל אתה בא. להרגני שלא בעדים:
בבקשה ממך. היינו דקאמר ליה נא: שחדיה במילי. שפתהו בכמה דברים עד שהודה שכשאמר לו תן [לו] תודה שכל שאין מבקשין ממנו אלא הודאה ולא יהרגוהו: אנכי חטאתי. במעל זה: וכזאת וכזאת עשיתי. הרי שלשה: שנים בימי משה. אותו של הכנעני מלך ערד דכתיב וידר ישראל נדר גו' והחרמתי את עריהם אחרום עליהם בהגלה

אכפרה אויף מיינע אלע עבירות. נאר ניט אויף דיא עבירה. ווייל דיא עבירה האב איך ניט גיטאהן. האבין דיא חכמים גזאגט צו רבי יהודה. אויב דוא הייסט אזוי זאגין. וועלין אלע מענטשין אזוי זאגין. זייא זאלין זיך ריין מאכין פון דיא עבירה. אונ מענטשין וועלין ריידין אויף דיא עדות אונ אויף בית דין אז מען האט אומזיסט גיהרגת אמענטש:
ד תנו רבנן: דיא רבנן האבין גילערונט עס שטייט אין פסוק יהושע האט גזאגט צו עכן שים נא כבוד. נא איז דער טייטש איך בעט דיך. ווען גאט האט גזאגט צו יהושע דיא יודין האבין גזינדיגט. האט יהושע גזאגט פאר גאט רבונו של עולם ווער האט גזינדיגט. האט גאט גזאגט צו יהושע בין איך דען אמסור. ווארף גורל וועסטו וויסען ווער עס האט גזינדיגט. איז גיגאנגען יהושע אונ האט גיווארפין גורל. איז גיפאלין דער גורל אויף עכן: האט עכן גזאגט צו יהושע דורך אגורל ווילסטו מיך הרגנן. דו אונ אלעזר הכהן זענט דאך דיא צוויי גרעסטע מענשין פון דיא יודין. אויב איך וועלווארפין אויף אייך גורל מוז ער פאלין אויף איינעם פון אייך ובמשל איך וועל נעמען צווייא קוויטלאך אויף איינעם וועל איך אויף שרייבין דעם ווארט גזינדיגט: דער אנדערער קוויטול וועט זיין אליידיגער. אונ מען וועט דיא צווייא קוויטלאך אריין לייגין אין אקעסטיל. אונ דו וועסט ארויס ציהען איין קוויטול. אונ אלעזר וועט ארויס ציהען דעם אנדערין קוויטול. וועט איינער פון אייך האבין ארויס גיצויגין דעם קוויטול גזינדיגט] האט יהושע גזאגט צו עכן איך בעט דיך דו זאלסט ניט זאגין פאר יודין אז אגורל איז ניט ריכטיג. ווארום ארץ ישראל וועט דארפין צו טיילט ווערין דורך אגורל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נאר מיט אגורל זאל צו טיילט ווערין דיא לאנד. דער נאך האט יהושע גזאגט צו עכן זייא דיך מודה אויב דו האסט גינומען פון חרם. רבינא זאגט יהושע האט איין גינומען עכן מיט גוטע רייד. יהושע האט גזאגט צו עכן איך פארלאנג דאך פון דיר ניט מער נאר דו זאלסט דיך מודה זיין. זיי דיך מודה וועסטו זיין פרייא. האט עכן גימיינט אז אזוי וועט טאקי זיין. דריבער האט עכן גיענטפערט צו יהושע אונ האט גזאגט אמת איך האב טאקי גזינדיגט צו גאט אונ אזוי אונ אזוי האב איך גיטאהן. רבי אסי האט גזאגט פון רבי חנינאס וועגין דער פסוק לערונט אונז אז עכן האט דרייא מאהל גינומען פון חרם. צווייא מאהל ווען משה האט גילעבט. אונ איין מאהל אין דיא צייט פון יהושע. ווארום עס שטייט אין פסוק עכן האט גזאגט איך האב גזינדיגט: איז איין מאהל: אזוי אונ אזוי האב איך גיטאהן. איז נאך צווייא מאהל. איז דרייא מאהל: רבי יוחנן זאגט פון רבי אלעזר ברבי שמעונס וועגין

המשה ארבעה בימי משה ואחד בימי יהושע שנאמר (שם) אנכי חטאתי וכזאת וכזאת עשיתי ועד השתא מ"ט לא איענוש א"ר יוחנן משום ר' (אליעזר) [אלעזר] בר' שמעון לפי שלא ענש על הנסתרות עד שעברו ישראל את הירדן :

ה כתנאי (דברים כט) הנסתרות לה' אלהינו והנגלות לנו ולבנינו עד עולם למה נקוד על לנו ולבנינו ועל עי"ן שבעד מלמד שלא ענש על הנסתרות עד

וביולא בזו עשה בעבירות אחרות ולא נתפרסמו : מ"ט לא איענוש : ישראל על מעילתו כי היכי דאיענוש השתא : לפי שלא ענש . המקום את הצדיקים שבישראל : על הנסתרות . שהיו עוברי עבירה אלא על העבירות הידועות : עד שעברו את הירדן . ושמעו וקבלו עליהם ברכות וקללות בהר גריזים והר עיבל ונעשו ערבים זה בזה כדאמרינן במסכת סוטה מיד נענשו זה על זה אפילו לא ידע זה בעבירות שבידי חבירו ובימי עכן כבר עברו את הירדן :

מלמד שלא ענש על הנסתרות עד שעברו וכו' . כ"ל דה"נ מלמד שנענשו על הנסתרות משעברו ולמאי דגרסינן נמי שלא ענש עד שעברו היא היא וה"ק מלמד מה שלא ענש על הנסתרות לא נהג אלא עד שעברו אבל משעברו ענש והכי דרשינן לקרא הנסתרות לה' אלהינו משמע עליו לבקש עלבון (העבירה העשויה בסתר) ולפרע מן העוברים ואין עלינו עונש בדבר : והנגלות לנו ולבנינו . קולר תלוי בצואר כולנו והי לאו נקודה הוה אמינא כך המדה לעולם באה אותה הנקודה לדרוש דאין מדה זו נוהגת לפוטרנו מן הנסתרות אלא עד שעברו את הירדן והיה לו לנקוד את הנקודה הזאת על לה' אלהינו ללמד שלא עד עולם הן לה' אלהינו אבל נהו . אורח ארעא ננקוד את השם ונקוד על לנו ולבנינו לומר שאין כאן מקומו ממש אלא למעלה מן הנגלות נמי ניתן לדרוש כך הנסתרות לה' אלהינו ולנו ולבנינו שאף אנו נענשים ומיהו אי הוה כתיב ליה הכי הוה נשמע דאף קודם שעברו את הירדן נמי להכי פלגינהו ונקד לומר דלכאן ולכאן הוא נדרש ולומר לך דעד השתא בסוף ארבעים שנה שנאמר להם מקרא זה בערבות מואב לא היו הנסתרות אלא לה' אלהינו אבל מכאן ואילך הם אף לנו ולבנינו והנקוד דעי"ן שבעד לחלק באותה דלא תימא מעולם ועד

פינף מאהל האט עכן גינומען פון חרם פיר מאהל אין משהס צייט. אונ איין מאהל אין יהושעס צייט. ווארום עס שטייט אין פסוק עכן האט גזאגט אנכי חטאתי איך האב געזינדיגט. איז איין מאהל. וכזאת וכזאת. אונ אזוי אונ אזוי. איז צוויא מאהל. עשיתי האב איך גיטאהן. איז אויך איין מאהל איז שוין פיר מאהל. אונ דער וא"ו פון ערשטין וכזאת איז איבעריג. צו וויזין אויף נאך איין מאהל. איז פינף מאהל. פרעגט דיא גמרא אז עכן האט גינומען פון חרם נאך אין דיא צייט פון משה. פאר וואס זענען דיא יודין ביז איצט ניט גישטראפט גיווארין. אזוי וויא זייא זענען איצט אין דיא צייט פון יהושע גישטראפט גיווארין; האט רבי יוחנן גזאגט פון רבי אלעזר ברבי שמעון וועגין ווייל אין משהס צייט האט גאט ניט גישטראפט דיא צדיקים אויף דיא פארבארגענע עבירות וואס דיא רשעים טוהען [אונ דיא צדיקים ווייסין ניט פון זייא]. ביז אין דער צייט פון יהושע וואס דיא יודין זענען אריבער גיגאנגען דעם ירדן אונ זייא האבין אויף זיך גינומען דיא ברכות אונ קללות פון בארג גריזים אונ פון בארג עיבל. זענען אלע יודין גיווארין איינס. אונ אז איינער זינדיגט אפילו אין דער שטיל וואס קיינער ווייסט ניט ווערין אלע גישטראפט. דריבער זענען דיא יודין גישטראפט גיווארין אין יהושעס צייט אויף דיא עבירה פון עכן :

ה כתנאי. זאגט דיא גמרא תנאים קריגען אין דער זאך אויב דיא יודין ווערין גישטראפט איינער פאר דעם אנדערין. ווארום עס שטייט אין פסוק הנסתרות לה' אלהינו והנגלות לנו ולבנינו עד עולם [די פאר בארגענע זאכין זענען צו גאט. אונ דיא בעוואוסטע זאכין זענען צו אונז אונ צו אונזערע קינדער ביז אייביג]. פרעגט דיא גמרא פאר וואס זענען גיפינטולט דיא צוויא ווערטער "לנו ולבנינו" אונ דער עיין פון ווארט עד איז אויך גיפינטולט. ענטפערט דיא גמרא דער פסוק לערנט אונז אז גאט האט ניט גישטראפט דיא צדיקים אויף דיא פארבארגענע עבירות וואס דיא רשעים טוהען. ביז דיא יודין זענען אריבער גיגאנגען דעם ירדן. אבער דער נאך וויא דיא יודין זענען אריבער גיגאנגען דעם ירדן. האט שוין גאט גישטראפט דיא צדיקים אויף דיא פארבארגענע עבירות וואס דיא רשעים טוהען. אונ דריבער איז דער לנו ולבנינו. אונ דער עיין פון עד גפינטולט צו וויזין אז ניט אייביג גיהערין דיא פארבארגענע עבירות צו גאט אליין. אונ ניט פון אייביג גיהערין דיא פארבארגענע עבירות צו אונז מיט אונזערע קינדער. נאר איידער דיא יודין זענען אריבער גיגאנגען דעם ירדן איז גיוועזן צו טיילט. די פאר בארגענע עבירות האט גיקערט צו גאט. גאט האט גישטראפט

עד שעברו ישראל את הירדן דברי רבי יהודה א"ל ר' נחמיה וכי ענש על הנסתרות לעולם והלא כבר נאמר עד עולם אלא כשם שלא ענש על הנסתרות כך לא ענש על עונשין שבגלוי עד שעברו ישראל את הירדן אלא (דף מד) אעכן מ"ט איענוש משום דהוו ידעי ביה אשתו ובניו. (יהושע ז) חטא ישראל א"ר אבא בר זבדי אע"פ שחטא ישראל הוא א"ר אבא היינו דאמרי אינשי אסא דקאי ביני הילפי אסא שמיה ואסא קרו ליה וגם עברו את בריתי אשר צויתי אותם גם לקחו מן החרם גם גנבו גם כחשו גם שמו בכליהם א"ר אלעאי משום ר' יהודה בר מספרתא מלמד שעבר עכן על חמשה חומשי תורה שנאמר חמשה (פעמים) גם. וא"ר אלעאי משום ר' יהודה בר מספרתא עכן משוך בערלתו היה כתיב הכא (שם) וגם עברו את בריתי

ועד עולם אלא מעתה מתחלת מדה זו ותנהוג עד עולם: וכי ענש על הנסתרות. את האחרים לעולם: והרי כבר נאמר עד עולם. ואי לא אפטורא דנסתרות קאי לאשמעינן דעד עולם תנהוג מדה זו דלא תימא משעברו את הירדן ויקבלו עליהם ערבות יענשו זה על זה למה לי דכתביה אי משום תיובתא דנקודות פשיטא דעולם הנוהג עכשיו ינהוג לעולם (דמה לו לפסוק) [ילמה יפסוק]: אלא. הנקודה נמי להך דהאי דכתיב לנו ולבנינו לאו עד הגר נהגה מדה זו אלא מכאן והילך דכל נקודה למעט דהך לא ענש את האחרים על העונשין שבגלוי עד שעברו את הירדן: אלא. לר' נחמיה כיון דאף משעברו לא ענש על הנסתרות: אעכן מ"ט איענשו. ישראל עליה הלא בסתר היה: חטא ישראל. מדלא אמר חטא העם עדיין שם קדושתן עליהן: חילפי. אורטיגא"ש: משוך בערלתו. מושך את עור אמתו תמיד עד שנתכרכשה וכסתה את ראש הגיד כדי

דעם רשע אליין פאר זיינע פאר בארגענע עבירות (אבער די עבירות וואס דער רשע האט גיטאהן עפענטליך. אונ דיא צדיקים האבען זייא ניט גיווערט. וועגען די צדיקים אויך גישטראפט גיווארין): אבער אז דיא יודין זענען אריבער גיגאנגען דעם ירדן איז שוין אנדערש גיווארין. דיא פאר בארגענע (אונ די עפענטליכע) עבירות וואס דיא רשעים טוהען גיהער אלין צו אונז אונ צו אונזערע קינדער. גאט האט גישטראפט דיא יודין וואס זענען גיוועזען צדיקים אפילו אויף דיא פר בארגענע עבירות פון דיא רשעים. אונ אזוי בלייבט שוין ביז אייביג. אזוי זאגט רבי יהודה. האט רבי נחמיה גזאגט האט דען גאט אמאהל גישטראפט דיא צדיקים אויף די פאר בארגענע עבירות וואס דיא רשעים האבען גיטאהן. קיין מאהל ניט; ווארום עס שטייט דאך אין פסוק ביז אייביג. ביז אייביג וועלין זיין די פאר בארגענע עבירות צו גאט אליין. נאר וואס דען זענען דיא פינטעלאך אויף לנו ולבנינו אונ אויף דעם עי"ן פון עד. צו זאגן אונז אזוי וויא גאט האט ניט גישטראפט אויף די פאר בארגענע עבירות איידער מען איז אריבער גיגאנגען דעם ירדן. אזו האט ער ניט גישטראפט אויף דיא עפענטליכע עבירות איידער מען איז אריבער גיגאנגען דעם ירדן. אונ דער נאך וויא מען איז אריבער גיגאנגען דעם ירדן האט שוין גאט גישטראפט אלע יודין אויף דיא עפענטליכע עבירות פון דיא רשעים. אבער אויף דיא פאר בארגענע עבירות פון דיא רשעים שטראפט גאט קיין מאהל ניט דיא צדיקים. פרעגט דיא גמרא נאך רבי נחמיה פר וואס הט גאט גישטראפט אלע יודין אויף דיא עבירה פון עכן. די עבירה איז דאך גיוועזען פר בארגין. ענפערט דיא גמרא ווייל דיא ווייב אונ קינדער פון עכן האבען גיוואוסט פון דיא עבירה. הייסט דאס שוין א עפענטליכע עבירה. יהושע האט גזאגט חטא ישראל. רבי אבא בר זבדי זאגט איוד אפילו ער זינדיגט פון דעסטוועגין איז ער איוד. רבי אבא זאגט דאס איז וואס מענטשין זאגין אהדס אפילו ער שטייט צווישען דערנער פון דעסטוועגין איז ער אהדס אונ מען רופט אים הדס. גאט האט גזאגט צו יהושע וגם עברו את בריתי אשר צויתי אותם. (זייא האבען צרשטערט מיין בונד וואס איך האב זייא גיבאטען) גם לקחו מן החרם. (זייא האבען גינומען פון דעם חרם). גם גנבו (זייא האבען גיגנבת). גם כחשו. (זייא האבען גילייקענט). גם שמו בכליהם. (זייא האבען גיטאהן אין זייערע כלים). רבי אלעאי האט גזאגט פון רבי יהודה בר מספרתאס וועגין דער פסוק לערענט אונז אז עכן האט עובר גיוועזען אויף אלע פינף חומשים פון דיא תורה. ווארום עס שטייט פינף מאהל גם. נאך הט רבי אלעאי גזאגט פון רבי יהודה בר מספרתאס וועגין עכן האט ארויף גיצויגען דיא הויט פון זיין

פשיטא בריתי וכתיב התם (בראשית יז) את בריתי הפר מהו דתימא במצות גופיה לא פקר קמ"ל. (יהושע ז) וכי עשה נבלה בישראל א"ר אבא בר זבדא מלמד שבעל עכן נערה המאורסה כתיב הכא וכי עשה נבלה וכתיב התם (בראשית לד) (כי נבלה עשה בישראל) (דברים כב) [כי עשתה נבלה בישראל] פשיטא מהו דתימא כולי האי לא פקר נפשיה קמ"ל. רבינא אמר דינו כנערה המאורסה דבסקילה. א"ל ריש גלותא לרב הונא כתיב (יהושע ז) ויקח יהושע את עכן בן זרח וגו' ואת בניו ואת בנותיו וגו' אם הוא חטא בניו ובנותיו מה חטאו אמר ליה ולטעמיך אם הוא חטא כל ישראל מה חטאו דכתיב (שם) וכל ישראל עמו אלא לרדותן הכא נמי כדי לרדותן (שם) וישרפו אותם באש ויסקלו אותם באבנים בתרתי אמר רבינא הראוי לשרפה הראוי לסקילה. (שם) וארא בשלל אדרת שנער אחת [טובה] ומאתים שקלים כסף

רב

שלא יהא מהול: פשיטא. הא ר' אלעזר גופיה אמר דעבר על כל התורה: לא פקר. לא הפקיר עצמו כל כך. בנערה המאורסה כתיב כי עשתה נבלה בישראל: כולי האי. רע לשמים ורע לבריות לבייש את משפחתה ולא זנתה על בעלה: דיניה כנערה המאורסה. נתנו לסקלו: לרדותן. סירחו את קלקולו ויזכרו בעכן ולא יוסיפו למעול בחרם: הראוי לשריפה. כסף וזהב ובגדים: הראוי לסקילה. הוא ושורו ובהמותיו וקנס היה לרדות את האחרים:

מילה מען זאל ניט דער קענען אז ער איז גימלת. ווארום דא שטייט וגם עברו את בריתי זייא האבן צערשטערט מיין בונד. וועלכין בונד. דאס מיינט מען דעם בונד פון מילה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער וואס וועט זיך ניט מל זיין הט ער גישטערט מיין בונד וואס איך האב גימאכט מיט אברהם אבינו. פרעגט די גמרא געווים האט עכן גישטערט דעם ברית פון מילה. ווארום רבי אלעאי אליין זאגט דאך פריער אז עכן הט ניט גערהיט די גאנצע תורה. ענטפערט דיא גמרא איך וואלט מיינען די מצוה וואס עכן האט שוין גיטאהן. הט ער גיהאלטען. זאגט רבי אלעאי אפילו דיא מצוה פון מילה וואס ער איז שוין גיוועזן גימלת. הט ער אויך ניט גיוואלט האלטען. נאר ער האט ארויף גיצויגען דיא הויט מען זאל ניט דער קענען אז ער איז גימלת. עס שטייט ביי עכן וכי עשה נבלה בישראל. ער האט גיטאהן אמיאוסע זאך צווישען יודין. וואס איז גיוועזן דיא מיאוסה זאך. רבי אבא בר זבדא זאגט עכן האט מזנה גיוועזן מיט אבתולה וואס אמאן האט איר שוין מקדש גיוועזן (דאס הייסט נערה המאורסה). ווארום דא שטייט עכן האט גיטאהן אנבלה. אונ אז אנערה המאורסה האט מזנה גיוועזן שטייט זי האט גיטאהן אנבלה צווישען יודין. זעהן מיר אז מען איז מזנה מיט אנערה המאורסה הייסט דאס אנבלה. פרעגט דיא גמרא געווים האט עכן דיא עבירה אויך גיטאהן. ער האט דאך עובר גיוועזן אויף דיא גאנצע תורה. ענטפערט דיא גמרא איך וואלט מיינען אזו אמיאוסע עבירה הט ער ניט גיטאהן. זאגט רבי אבא ער האט דיא עבירה אויך גיטאהן. רבינא זאגט דער פסוק מיינט עכן האט גיהאט דעם זעלבינגען דין וויא דער וואס איז מזנה מיט אנערה המאורסה. מען האט אים געמשפט צום פאר שטיינען. דער ריש גלותא האט גזאגט צו רב הונא עס שטייט אין פסוק יהושע האט גינומען עכן אונ זיינע זיהן אונ זיינע טעכטער אונ מען הט זייא געפירט צום ארט עמק עכור. אויב עכן האט געזינדיגט אבער וואס האבען געזינדיגט זיינע זיהן אונ זיינע טעכטער. האט רב הונא גזאגט צום ריש גלותא איך וועל דיך פרעגין אויב עכן האט געזינדיגט וואס האבען אלע יודין געזינדיגט. צו וואס האט מען דיא יודין אויך געפירט צום עמק עכור. נאר מען האט גימיינט דיא יודין זאלין זעהן וויא מען הרגת דעם עכן וועלין זייא נעמען אמוסר זייא זאלין אזוי ניט טאהן. דיא קינדער פון עכן האט מען אויך צו דער זאך מיט גינומען. זייא זאלין זעהן וויא מען הרגת זייער פאטער וועלין זייא אזוי ניט טאהן. עס שטייט אין פסוק מען האט זייא פאר ברענט אין פייער אונ מען האט זייא בעווארפין מיט שטיינער. מיט צוויי זאכען האט מען זייא גיהרגת. האט רבינא גזאגט אלע לעבעדיגע זאכען האט מען גיהרגת מיט שטיינער. אונ ניט לעבעדיגע האט מען פאר ברענט אין פייער. עס שטייט אין פסוק עכן האט גזאגט איך האב גיזעהן אין דיא רויב אמאנטיל פון שנער (פון בבל)

רב אמר א׳ צטלא דטלתא ושמואל אמר סרבלא דצריפא. ויציקום לפני ה׳ אמר רב נחמן בא וחבטן לפני המקום אמר לפניו רבש״ע על אלו תהרג רובה של סנהדרין דכתיב (שם) ויכו מהם אנשי העי כשלשים וששה איש ותניא שלשים וששה ממש דברי רבי יהודה א״ל ר׳ נהמיה וכי נאמר שלשים וששה איש והלא לא נאמר אלא כשלשים וששה איש אלא זה יאיר בן מנשה ששקול כנגד רובה של סנהדרין :

איצטלא דמילתא. טלית של צמר נקי בן יומו (סמכסים) [מרכבנין אותן למילת ומלבישו לבנות בנות יתלבלך צמרו : סרבלא דצריפא. לבוע כצריף סקורין אלוס :

זה משה. בשביה צריך לבקש רחמים על ישראל סיס מדבר בלשון רכה : פלילות. דין : ולו הואלנו :

ו **אמר** רב נחמן אמר רב מ״ד (משלי יח) תחנונים ידבר רש ועשיר יענה עזות התחנונים ידבר רש זה משה ועשיר יענה עזות זה יהושע טעמא אילימא משום דכתיב (יהושע ז) ויציקום לפני ה׳ ואמר רב נחמן בא והבטן לפני המקום אטו פנחס לא עביד הכי והכתיב (תהלים קו) ויעמוד פנחס ויפלל ותעצר המגפה וא״ר אלעזר ויתפלל לא נאמר אלא ויפלל מלמד שעשה פלילות עם קונו בא וחבטן לפני המקום אמר לפניו רבש״ע על אלו יפלו כ״ד אלף מישראל דכתיב (במדבר כה) ויהיו המתים במגפה כ״ד אלף ואלא מהכא (יהושע ז) למה העברת העביר את העם הזה את הירדן משה נמי מימר אמר (שמות ה) למה הרעותה לעם הזה אלא מהכא (יהושע ז) ולו הואלנו ונשב

אנוטע אונ צוויי הונדערט טאלער זילבערנע . פון וואס איז גיוועזן דער מאנטיל : רב זאגט ער איז גיוועזן פון גאנץ ריינע וואל עס האט אוים גיזעהן וויא זייד. אונ שמואל זאגט דער מאנטיל איז גיוועזן גיפארבט מיט אזוי אפארב וואס הייסט צריפא . עס שטייט אין פסוק יהושע האט דיא אלע זאכען גישטעלט פאר גאט . רב נחמן זאגט יהושע האט דיא אלע זאכען אוועקגיוואָרפן פאר גאט . אונ ער האט גזאגט רבונו של עולם דורך דיא זאכען האסטו גיהרגת דאס מערסטע פון דיא סנהדרין . ווארום עס שטייט אין פסוק דיא מענטשין פון עי האבען גיהרגת פון דיא יודין אזוי וויא זעקס אונ דרייסיג מענטשין . אונ מיר האבען גילערונט רבי יהודה זאגט מען האט גיהרגת ריכטיגע זעקס אונ דרייסיג מענטשין . האט רבי נחמיה גזאגט שטייט דען אין פסוק זעקס אונ דרייסיג מענטשין . עס שטייט דאך אזו וויא זעקס אונ דרייסיג מענטשין . נאר דאס מיינט מען זייא האבען גיהרגת דעם יאיר בן מנשה . וואס ער איז גירעכונט געגין דאס מערסטע פון סנהדרין . דאס איז זעקס אונ דרייסיג מענטשין :

ו אמר . רב נחמן האט גזאגט פון רבס וועגין עס שטייט אין פסוק דער ארעם מאן רעט מיט גיבעט . אונ דער רייכער ענטפערט מיט שטאלצקייט . דער ארעם מאן רעט מיט גיבעט דס מיינט מען משה רבינו . אז ער הט גיבארפט בעטין ביי גאט פאר יודין האט ער גירעט מיט ווייכע רייד . אונ דער רייכער רעט מיט שטאלצקייט דאס מיינט מען יהושע . פרעגט די גמרא וואס פאר אשטאלצקייט האט יהושע גירעט פאר גאט . מיר זאלין זאגין ווייל עס שטייט אין פסוק ער האט זייא גישטעלט פאר גאט . האט רב נחמן גזאגט ער האט דיא זאכען אוועקגיוואָרפן גיטאהן פאר גאט . האט דען פינחס ניט אזוי גיטאהן . עס שטייט דאך אין פסוק פינחס הט זיך גישטעלט ויפלל אונ דיא מגפה איז אויף גיהאלטען גיווארין . הט רבי אלעזר גזאגט עס שטייט ניט ויתפלל : פינחס האט גיבעטין . נאר עס שטייט ויפלל . אונ ויפלל איז דער טייטש משפט : ער האט גירעט פאר גאט וויא איינער האט אמשפט מיט זיין חבר . ער האט אוועקגיוואָרפן גיטאהן זמרי בן סלוא מיט דיא מדינית פאר גאט . אונ ער האט גזאגט רבונו של עולם דורך די צוויי מענטשין זאלין פאלען פיר אונ צוואנציג טויזענד יודין . ווארום עס שטייט אין פסוק די וואס זענען גישטארבען אין דער מגפה זענען גיוועזן פיר אונ צוואנציג טויזענד : נאר די רייד האט יהושע גירעט מיט שטאלצקייט . ער האט גזאגט פאר גאט צו וואס האסטו אריבער געפירט דאס פאלק איבער דעם ירדן . פרעגט דיא גמרא משה האט דאך אויך אזוי גזאגט פאר גאט צו וואס האסטו שלעכט גיטאהן צו דעם פאלק . נאר דיא רייד האט יהושע גירעט מיט

גילעסטערט גאט און דעם מלך. דער מלך זאל קענען צוא נעמען זיין פאר מעגין. אבער דער וואס זאגט דאס פאר מעגין גיהער צוא דיא יורשים. און אחאב איז גיוועזן איורש צו ווס האבען דייא גידארפט זאגין ער האט גילעסטערט דעם מלך. אז זייא וואלטין נאר זאגין ער האט גילעסטערט גאט אליין. וואלט מען דאך אים אויך גיהרגת. און אחאב וואלט צוא גינומען זיין פאר מעגין. פרעגט דיא גמרא און דער וואס זאגט אז דס פאר מעגין גיהער צום מלך. האבען זייא נאר גידארפט זאגין נבות האט גילעסטערט דעם מלך. וואלט מען אים גיהרגת און דער מלך וואלט צו גינומען זיין פאר מעגין. צוא ווס האבען זייא גידארפט זאגין ער הט גילעסטערט גאט. נאר די עדות זאלין פר גרעסערין דעם כעס פון פאלק אויף נבות מען זאל אים געשוויגט הרגנן דריבער האבען זייא גזאגט ער האט גאט אויך גילעסטערט. איך מיין אויך אזו וייל דיא עדות זאלין פאר גרעסערין דעם כעס פון פאלק אויף נבות מען זאל אים געשווינט הרגנן. דריבער האבען זייא גזאגט ער האט דעם מלך אויך גילעסטערט. פרעגט די גמרא דער וואס זאגט אז דאס פאר מעגין גיהער צום מלך. איז רעכט וואס עס שטייט אין פסוק יואב איז אנטלאפין אין גיצעלט פון גאט און ער האט אן גינומען דיא ווינקלען פון מזבח און ער האט גזאגט דא וויל איך שטארבין. און ער האט ניט גיוואלט גיהרגת ווערין דורך שלמה המלך. ער זאל ניט צו נעמען זיין פאר מעגין. נאר דער פאר מעגין זאל בלייבען פאר זיינע יורשים. אבער דער וואס זאגט אז דאס פאר מעגין גיהער ניט צום מלך נאר אייביג צו דיא יורשים: פאר וואס איז יואב אנטלאפין צום מזבח. ענפערט דיא גמרא ווייל ער הט גיוואלט לעבין נאך אשעה. ביז מען וועט גיין צו שלמה אים זאגין אז יואב איז אנטלאפין צום מזבח. און שלמה וועט זאגין וואס מען זאל טאהן מיט אים. און מען וועט קומען צוריק צו איהם. וועט ער דער ווייל לעבין די ביסול צייט:

יט וישב: בניהו איז גיקימען צום מלך שלמה און האט גיזאגט צו אים. אזוי האט יואב גירעט און אזוי האט ער מיר גיענפערט. וואס איז גיוועזן דיא רייד און דער ענטפער. נאר יואב הט גיזאגט צו בניהו גייא זאג צו שלמה אזוי האט יואב גיזאגט צווייא זאכין זאלסטו ניט טאן מיט מיר. ווילסטו מיך הרגנן נעם אויף זיך דיא קללה וואס דיין פאטער דוד האט מיך גיפלוכט. ווילסטו ניט נעמען אויף זיך די קללה. זאלסטו מיך ניט הרגנן. גינוג פאר מיר דיא קללה וואס דיין פאטער דוד האט מיך גיפלוכט. האט דער מלך שלמה גיזאגט צו בניהו איך נעם אויף זיך די קללה און טוה מיט אים אזוי וויא ער האט גירעט. זאלסט אים הרגנן און בגראבין. רב יהודה האט גיזאגט פון רבס וועגין אלע קללות וואס דוד האט גיפלוכט צו יואב וועגען מקוים גיווארין ביי דיא קינדער פון דוד ביי דיא קינדער פון שלמה ווייל ער האט אויף זיך גינומען דיא קללות

ה"ק ליה חרתי לא תעביד לי: כולן נתקיימו בזרעו של דוד. מפני שקבלן שלמה עליו: לעלות במרכבה. וגבי זב כתיב נמי מרכב. אסמכתא לג"ש: מחזיק בפלך. אוחז מקל ליטען עליו מחמת חולי הרגלים: פודגרא. כן שם החולי אף בלשוננו: מנא ידע. ר"נ: וארוחתו ארוחת תמיד. מאת נ"נ היתה לו: הבא ליטא ולא לייטא. נוח לך להיות מן המקוללים ולא מן המקללים לפי שסוף קללת חנם לשוב אל

כל קללות שקלל דוד את יואב נתקיימו בזרעו של דוד (ש"ב ג) ואל יכרת מבית יואב זב ומצורע ומחזיק בפלך ונופל בחרב וחסר לחם זב מרחבעם דכתיב (מ"א יב) והמלך רחבעם התאמץ לעלות במרכבה לנוס ירושלים וכתיב (ויקרא טו) כל המרכב אשר ירכב עליו הזב יטמא מצורע מעוזיהו דכתיב (ד"ה ב כו) ובחזקתו גבה לבו עד להשחית וימעל בה' אלהיו ויבא אל היכל ה' להקטיר על מזבח הקטרת וכתיב (שם) והצרעת זרחה במצחו. מחזיק בפלך מאסא דכתיב (מ"א טו) רק לעת זקנתו חלה את רגליו ואמר רב יהודה אמר רב שאחזו פודגרא א"ל מר זוטרא בריה דרב נחמן לרב נחמן היכי דמי א"ל כמחט בבשר החי מנא ידע אבע"א מיחש הוה חייש ביה ואבע"א מרביה הוה גמיר לה ואבע"א (תהלים כה) סוד ה' ליראיו ובריתו להודיעם. נופל בחרב מיאשיהו דכתיב (ד"ה ב לה) ויורו היורים למלך יאשיהו וא"ר יהודה א"ר שעשו כל גופו ככברה. וחסר לחם מיכניה דכתיב (מ"ב כה וירמיה נ) וא והתו ארוחת תמיד נתנה לו א"ר יהודה היינו דאמרי אינשי (דף מט) תהא ליטא ולא תהא (מלטטא) [לייטא] אתיוה ליואב לדיניה א"ל מ"ט קטלתיה לאבנר א"ל גואל הדם דעשהאל הואי

דָוִד הָאט גִיזָאגְט אוֹיף יוֹאָב. עֶס זָאל נִיט פַארְשְׁנִיטֶען וֶוערִין פוּן יוֹאָבְס הויז גְעזִינְד אַזַב וְעֶס זָאל
פוּן אִים אֵייבִּיג רִינֶען זֶבַע]. אוּנ זָאל גֵיין מִיט אַשְׁטֶעקִין [וַוייל עֶר וֶועט הָאבִּין
קְרַאנְקֶע פִּים]. אוּנ עֶר זָאל פַאלִין אִין שְׁוֶועְרד פוּן זַיינֶע פַיינְד. אוּנ עֶס זָאל אִים פֶעלִין בְּרוֹיט. אוּנ
דָאס אַלֶץ אִיז כְּקוּיָם גִיוָוארִין בַּייא דִיא קִינְדֶער פוּן שְׁלֹמֹה. רְחַבְעָם אִיז גִיוֶועְן אַזַב. אַזוֹי וִויא עֶס
שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דֶער מֶלֶךְ רְחַבְעָם הָאט זִיךְ גִישְׁטַארְקְט אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף דֶעם רַייט וָואגִין
צוּ אַנְטְלוֹיפֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם. אוּנ בַּיי אַזַב שְׁטֵייט אַלֶע רַייט וֶועגִין וָואס דֶער זַב וֶועט רַייטִין
אוֹיף אִים זָאל וֶוערִין טָמֵא. לֶערְנֶען מִיר אַגְזֵרָה שָׁוָה וַוייל רְחַבְעָם אִיז גִיוֶועְן אַזַב דְרִיבֶּער הָט
עֶר נִיט גִיקֶענְט גֵיין נָאר עֶר הָאט גִימוּזְט זִיצֶען אוֹיף דֶעם רַייט וָואגִין. עוּזִיָהוּ אִיז גִיוֶועְן
קְרֶעצִיג. אַזוֹ וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אוּנ אִין זַיין שְׁטַארְקֵייט אִיז זַיין הַארְץ גְרוֹיס גִיוָוארִין
בִּיז צוּ פַאר דַארְבִּין אוּנ עֶר הָאט גִיפֶעלְשְׁט אִין גָאט אוּנ עֶר אִיז גִיקוּמֶען אִין הֵיכָל פוּן
גָאט צוּ מַקְטִיר זַיין קְטוֹרֶת אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ. הָאבֶען דִיא קְרֶעץ גִישַׁיינְט אוֹיף זַיין שְׁטֶערִין.
אָסָא. הָאט גִיהַאט קְרַאנְקֶע פִּים אוּנ אִיז גִיגַאנְגֶען מִיט אַשְׁטֶעקִין. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין
פָּסוּק צוּ זַיין עֶלְטֶער אִיז עֶר קְרַאנְק גִיוָוארִין אוֹיף דִיא פִּים. אוּנ רַב יְהוּדָה הָאט גִזָאגְט פוּן
רַבְּס וֶועגִין עֶר הָאט גִיהַאט דִיא קְרַאנְקֵייט וָואס הֵייסְט פוֹדְגַארָא. מַר זוּטְרָא דֶער זוּהְן פוּן
רַב נַחְמָן הָאט גִזָאגְט צוּ רַב נַחְמָן וִויא אַזוֹי אִיז דִיא קְרַאנְקֵייט. הָאט רַב נַחְמָן גִזָאגְט דִיא
קְרַאנְקֵייט שְׁטֶעכְט אַזוֹי וִויא מֶען שְׁטֶעכְט מִיט אַנָאדְיל אִין גֶעזוּנְטֶע פְלֵייש. פוּן וַואנֶען וֵוייס דֶס
רַב נַחְמָן. אַנְדֶערֶע זָאגִין רַב נַחְמָן אַלֵיין הָט גִיהַאט דִיא קְרַאנְקֵייט. אַנְדֶערֶע זָאגִין זַיין רַבִּי הָט
גִיהַאט דִיא קְרַאנְקֵייט. הָאט עֶר אִים גִזָאגְט. אַנְדֶערֶע זָאגִין גָאט זָאגְט דֶעם צַדִיק אַלֶע סוֹדוֹת.
יֹאשִׁיָהוּ אִיז גִיפַאלֶען אִין שְׁוֶועְרְד. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִיא וָואס הָאבִּין גִיוָוארְפֶען
פַיילִין הָאבֶען גִיוָוארְפִין זֵייעֶרֶע פַיילִין אוֹיף דֶעם מֶלֶךְ יֹאשִׁיָהוּ. אוּנ רַב יְהוּדָה הָאט גִזָאגְט
פוּן רַבְּס וֶועגִין זֵייא הָאבֶען גִימַאכְט לֶעכֶער אִין זַיין גוּף אַזוֹי וִויא אַזִיפּ. דֶעם מֶלֶךְ יְכָנְיָה הָאט
גִיפֶעלְט בְּרוֹיט אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אֱוִיל מְרוֹדַךְ הָאט גִיגֶעבִּין צוּ יְכָנְיָה אֵייבִּיגֶע
שְׁפַּייז בַּיי זַיין טִישׁ. רַב יְהוּדָה הָאט גִזָאגְט פוּן רַבְּס וֶועגִין דָאס אִיז וָואס מֶענְטְשִׁין זָאגִין דוּא
זָאלְסְט בֶּעסֶער זַיין גִיפְלוּכְט פוּן אַיין אַנְדֶערִין. אוּנ דוּא זָאלְסְט נִיט פְלוּכִין קֵיין אַנְדֶערִין. ווארוּם
אַאוּמְזִיסְטֶע קְלָלָה קוּמְט צוּרִיק צוּ דֶעם פְלוּכֶער. דֶער נָאךְ הָאט מֶען גִיבְּרֵיינְגְט יוֹאָב צוּם
מִשְׁפָּט. הָאט שְׁלֹמֹה גִיזָאגְט צוּ יוֹאָב פַאר וָואס הָאסְטוּ גִיהַרְגֶעת אַבְנֵר. הָאט יוֹאָב גִזָאגְט אִיךְ

הואי עשהאל רודף הוה א"ל היה לו להצילו בא' מאבריו א"ל לא הוה יכיל ליה א"ל השתא בדופן המישית כיון ליה דכתיב (ש"ב ב) ויכהו אבנר באחרי החנית אל החומש וא"ר יוחנן בדופן חמישית במקום שמרה וכבד תלויים בו באחד מאיבריו לא יכיל ליה (אמרו) [אמר] ליה ניזיל אבנר מ"ט קטלתיה לעמשא א"ל מורד במלכות הוה דכתיב (ש"ב כ) ויאמר המלך לעמשא הזעק לי את איש יהודה שלשת ימים וגו' וילך עמשא להזעיק את איש יהודה ויוחר וגו' (אמרו) [אמר] ליה עמשא אכין ורקין דרש אשכחינהו לישראל דפתיח להו במסכתא אמר כתיב (יהושע א) כל אשר ימרה את פיך ולא ישמע את דבריך לכל אשר תצונו יומת יכול אפי' לד"ת ת"ל (שם) רק חזק ואמץ אלא ההוא גברא מורד במלכות הוה דכתיב (מ"א ב) והשמועה באה עד יואב כי יואב נטה אחרי אדוניה ואחרי אבשלום לא נטה מאי לא נטה א"ר יהודה שבקש

המקלל: היה לו. לאבנר: להציל. את עצמו באחד מאיבריו. של עשהאל ולא יהרגנו דהכי אמרינן (באלו הן הנשרפין) [בפ' בן סורר ומורה דף ע"ד] הרודף אחר חברו להורגו ויכול זה להציל את עצמו באחד מאיבריו של רודף ולא עשה כן הוא חזר כנגדו והרגו נהרג עליו: א"ל לא יכיל ליה. אבנר לכוין באחד מאבריו: אמר לכו. יואב בשהא בדופן המשית כנגד צלע חמישי: (אמרו) [אמר] ליה ניזיל אבנר. דינו של אבנר פטור אתה עליו: אכין ורקין דרש. שמצאן שהיו פסוקים במס' ולא רצה לבטלם כדמפרש ואזיל דאינו מורד במלכות דכתיב רק חזק ואמץ רקין מיעוטין שאם בא המלך לבטל דברי (נביא) [תורה] אין שומעין לו: השמועה. כשנמשח שלמה בא אל יואב והריגה: כי יואב נטה אחרי אדוניה ואחרי אבשלום. כשמרד בדוד אביו לא נטה: מאי לא נטה. מה לנו להזכיר זאת כאן וכי (לא) [מה] היה לו לירא בשביל שלא נטה אחרי אבשלום וכאן נטה אלא מגיד לך הכתוב שביקש לנטות גם אחרי אבשלום אלא שלא גמר מחשבתו כדמפרש ואזיל מפני שעדיין היה לו לחלוחית גבורתו של דוד קיימת אבל עכשיו שהזקין יצא מדכו ונטה אחרי אדוניהו:

בין אַברודער פון עשהאל האָב איך מיך אָן גינומען פאַר זיין בלוט וואס אַבנר האָט איהם גיהרגעט. האט שלמה גזאָגט עשהאל האט דאָך גיעיאָגט אַבנר: אונ האָט איהם גיוואָלט הרגענען. האָט אַבנר גיוואָלט היטען זיין לעבען דריבער האָט ער גימעגט הרגענען עשהאל. האָט יואָב גזאָגט אַבנר האָט גידאַרפט היטען זיין לעבען מיט איינע פון עשהאלס גלידער [משל אבנר האָט גיהאַרפט אָפ האַקען עשהאלס האַנט] וואָלט דאָך עשהאל איהם שוין ניט גיקענט הרגענען. פאַר וואס האָט אַבנר איהם גיהרגעט. דאַרף מען אַבנר הרגענען. האָט שלמה גזאָגט צוא יואָב אַבנר האָט ניט גיקענט טרעפין צו איינע פון עשהאלס גלידער ער זאָל איהם אָפ האַקען. דריבער האָט ער איהם גימוזט הרגענען. האָט יואָב גזאָגט מאַדאך צום פינפטין ריפ האָט ער גיקענט טרעפין. אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק אַבנר האָט איהם גישלאָגין מיט דעם הינטען פון דעם שפיז צום פינפטען. האָט רבי יוחנן גזאָגט צום פינפטען ריפ. אויף דעם אָרט איינגט די גאַל מיט דיא לעבער. האָט ער דאָך צו איינע פון זיינע גלידער געוויס גיקענט טרעפין. האָט שלמה גזאָגט צו יואָב מיר וועלין אַוועק גיין פון אַבנר. אויף אַבנר ביסטו גירעכט. פאַר וואס האָסטו גיהרגעט עמשא. האָט יואָב גזאָגט עמשא האָט געזינדיגט צום מלך דוד. וואָרום עס שטייט אין פסוק דער מלך האָט גזאָגט צו עמשא דו זאָלסט פאַר זאַמלען צו מיר אַלע מענטשין פון יהודה אין דריי טעג. אונ עמשא איז גיגאַנגען פאַר זאַמלען דיא מענטשין פון יהודה. אָבער ער האָט פאַר שפעטיגט דיא צייט. עס האָט גידויערט מער וויא דריי טעג. האָט שלמה גזאָגט צוא יואָב. עמשא האָט גידרשעט דעם וואָרט אַך אונ דעם וואָרט רק. וואָרום ווען עמשא איז גיקומען צוא דיא יודין האָט ער גיטראָפין זייא האָבען אָן גיהויבען צוא לערנען אמסכת. האָט עמשא גזאָגט עס שטייט אין פסוק אויף יהושע ווער עס וועט ווידער שפעניגען דיין מויל אונ וועט ניט פאָלגין דיינע רייד צוא אַלץ וואָס דוא וועסט איהם געבעטען. זאָל ער שטאַרבין. וואָרט איך מיינען אַפילו יהושע וועט הייסען מען זאָל ניט לערנען תורה מוז מען איהם אויך פאָלגען: שטייט אין פסוק רק חזק ואמץ. דער וואָרט רק קומט ווייניגער צוא מאַכען. ניט אַלע מאָהל זאָלסטו דיך שטאַרקין אויף דעם פאָלק. נאָר אויב דאס פאָלק לערנט תורה. טאָרסטו זייא ניט שטערין. אונ ווייל דיא יודין האָבען גילערנט תורה דריבער האָט עמשא ניט גיקענט זייא שטערין פון תורה לערנען זייא זאָלין גיין צום מלך. האָט דאָך עמשא גאָר ניט געזינדיגט געגין דעם מלך פאַר וואָס האָסטו איהם גיהרגעט. נאָר דוא האָסט געזינדיגט צום מלך. וואָרום

לנטות ולא נטה ומ"ט לא נטה א"ר אלעזר עדיין לחלוחית של דוד קיימת. ר' יוסי בר' חנינא אמר עדיין אצטגניני של דוד קיימין דאמר רב יהודה אמר רב ת' ילדים היו לו לדוד וכולן בני יפת תואר היו ומגדלי בלורית היו ומהלכין בראשי הגייסות והן הן בעלי אגרופין של דוד:

כ ופליגא דר' אבא בר כהנא דא"ר אבא בר כהנא אלמלא דוד לא עשה יואב מלחמה ואלמלא יואב לא עסק דוד בתורה כדכתיב (ש"ב ח) ויהי דוד עושה משפט וצדקה לכל עמו (וסמיך ליה) ויואב [בן צרויה] על הצבא מ"ט דוד עושה משפט וצדקה לכל עמו משום דיואב על הצבא ומ"ט יואב על הצבא משום דדוד עושה משפט וצדקה [לכל עמו] (שם ג) ויצא יואב מעם דוד וישלח מלאכים אחרי אבנר וישיבו אותו מבור הסרה (ודוד לא ידע) מאי בור הסרה אמר ר' אבא בר כהנא בור וסירה גרמו לאבנר

פירוש

אילטגניני דוד. בעלי אגרופין שאל ידם הוא נוחה ויוצא ובא על פיהם אילטגניות דכל התגנוד לבון מזלות ופזים בכוכבים והיך קרי הכי משום שהיה דוד נסמך עליהם ועושה על פיהם והולך אחר דבריהם: ילדים. בחורים: ומגדלי בלורית. כמשפטי הגוים כדי שיראו בעלי קומה [היתה] ויפחדו מהן: בני יפת תואר. בני נכרים שהיו לקוחים בשביה והיינו הכתוב כדכתיב וראית בשביה וגו':

אלמלא דוד. שהיה עוסק בתורה לא עשה יואב מלחמה אבל זכותו של דוד עומדת לו ליואב במלחמה של דוד: בור וסירה גרמו לו לאבנר שיהרג. בור צפחת המים שלקח דוד מראשותיו של שאול כשהיה ישן במעגל וכשאמר להם דוד בני מות אתם שלא שמרתם אדוניכם שכבר הייתי יכול להורגו ראו נא איפה חנית המלך ואיה צפחת המים היה לו לאבנר למחות בשאול ולומר לו ראה כמה צדיק זה שלא הרגך ולא מיהר בו אלא א"ל שמא אחד מבני הצבא נתנם לו וסירה קוץ כשכרת דוד את [כנף] מעילו של שאול במערה היה לו לאבנר ללמד זכות על דוד ולומר לשאול ראה כמה חס עליך שלא הרגך כשהיה יחידי עמו במערה ולא למד זכות אלא אמר לו שמא כשעברת אצל הקוצים והסירים נכנס אחד מן

עס שטייט אין פסוק דיא הערונג (אז מען האט גיזאלבט שלמהן פאר אמלך) איז גיקומען צוא יואב. ווארום יואב האט גינייגט נאך אדוניה (ער האט גיוואלט אדוניה זאל זיין אמלך). אונ נאך אבשלום האט ער ניט גינייגט. צו וואס דער ציילט דא דער פסוק אז ער האט ניט גינייגט נאך אבשלום. האט רב יהודה גזאגט ער האט גיוואלט גייגן נאך אבשלום אויך. נאר ער האט ניט גינייגט. פר וואס האט ער ניט גענייגט. האט רבי אלעזר גזאגט ווייל ער הט גיזעהן ער וועט ניט אויס פירען. ווארום דיא לייכטקייט פון דוד איז נאך גיוועזן. דוד הט נאך גילעבט מיט זיין שטארקייט. האט ער מורא גיהאט פאר אים. אבער איצט אז דוד איז שוין אלט גיוועזן האט ער שוין פאר דוד ניט מורא גיהאט דריבער האט ער גינייגט נאך אדוניהו ער זאל ווערין אמלך. רבי יוסי ברבי חנינא זאגט דריבער האט יואב מורא גיהאט פאר דוד ווייל דיא שטארקע מענטשין פון דוד האבען נאך גילעבט. ווארום רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין פיר הונדערט קינדער האט דוד גיהאט. אונ דיא אלע קינדער זענען גיוועזן פון דיא גוישע ווייבער דיא שיינע וואס ער פלעגט פאנגען אין דער מלחמה אונ זיי האבען גילאזט וואקסען גרוסע האר. אונ זייא פלעגין גיין פאר אויס פאר דעם חיל. אונ דאס זענען גיוועזן דיא שטארקסטע מענטשין פון דוד:

כ ופליגא. אונ ער קריגט אויף רבי אבא בר כהנא. ווארום רבי אבא בר כהנא זאגט ווען דוד וואלט ניט לערנען תורה וואלט יואב ניט איין נעמען דיא מלחמות. נאר דער זכות פון דוד האט גיהאלפען צו יואב ער זאל איין נעמען דיא מלחמות וואס דוד האט אים גשיקט. אונ ווען יואב וואלט ניט גיגאנגען אין דער מלחמה. וואלט דוד ניט גילערנט תורה. ווארום דוד אליין וואלט גימוזט גיין אין דער מלחמה. ווען וואלט ער גילערנט תורה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוד האט גיטאהן משפט אונ צדקה צו זיין גאנץ פאלק אונ יואב בן צרויה איז גיוועזן אויף דעם חיל. פר וואס האט דוד גיקענט טאהן משפט אונ צדקה צו זיין גאנץ פאלק. ווייל יואב איז גיוועזן אויף דעם חיל. אונ פאר וואס איז יואב גיוועזן אויף דעם חיל. ווייל דוד הט גיטאהן משפט אונ צדקה צוא זיין גאנץ פאלק. עס שטייט אין פסוק יואב איז ארויס גיגאנגען פון דוד אונ ער הט געשיקט שלוחים נאך אבנר אונ מען הט אים צוריק גיקערט פון בור הסרה. וואס מיינט מען בור הסרה. האט רבי אבא בר כהנא גזאגט בור וסירה ודער ברונען אונ דער

לאבנר שיהרג (שם) ויטהו יואב אל תוך השער לדבר אתו בשלי א"ר יוחנן שדנו בדין סנהדרין א"ל מ"ט קטלתיה לעשהאל עשהאל רודף הוה היה לך להצילו באחד מאיבריו לא יכילנא ליה השתא ברופן חמישית איכוונת ליה באחד מאיבריו לא יכלת ליה לדבר אתו בשלי א"ר יהודה אמר רב לדבר אתו על עסקי שלו (שם) ויכהו שם אל החומש אמר ר' יוחנן בדופן חמישית מקום שמרה וכבד תלויים בו (מ"א ב) והשיב ה' את דמו על ראשו אשר פגע בשני אנשים צדיקים וטובים

סקוליס בכנף מעילך והוא היה ממון שם וחתכו : שדנו דין סנהדרין . כמו אל זקני עירו ואל שער מקומו דסוטה שער לשון סנהדרין הוא שהיו דנין שם : על עסקי שלו . ל' של נעלך שאל לו בערמה יבמה נדמת היאך חולצת התחיל שוחה לפניו ומראהו כך היא חולצת בשיניה והוא שלף חרבו והרגו כדכתיב בתגורתו אשר במתניו ונכנס אשר ברגלו :

דאַרין] האָבען בעשולדיגט אַבנר ער זאל גיהרגת ווערין וועס ברונען מיינט מען דעם קריגול וואַסער וואס איז גישטאַנען נעבין שאול צו קאפין ווען ער איז גישלאָפען . אונ דוד האָט אים צוא גינומען : דער נאָך איז דוד גישטאַנען פון ווייטין אונ האָט געשריגען צו אַבנר איר זענט אַלע ווערט מען זאל אייך הרגנן פאַר וואס האָט איר ניט געהיט אייער מלך . זעהט נאָר וואו איז דער קריגול וואַסער פון מלך . ווען איך האָב גינומען דעם קריגול וואַסער אונ בין גישטאַנען נעבין מלך האָב איך דאָך אים גיקענט הרגנן : האָט אַבנר גידאַרפט זאָגין צו שאול זעה נאָר וואס פאַר אַצדיק דוד איז וואָס ער האָט דיך ניט גיהרגת . דאַרפסטו אים אויך ניט יאָגין צום הרגנן אים : אונ אַבנר האָט אַזוי ניט גזאָגט . ער האָט גזאָגט צו שאול . דוד איז גאָר ניט גיוועזן נעבין דיר . ער האָט גאָר ניט גינומען דעם קריגול וואַסער . נאָר איינער פון אונזערע מענטשין האָט אים געווים גיגעבין דעם קריגול וואַסער . האָט ער נאָך גימאַכט מער שנאה צווישען שאול אונ דוד . דריבער איז ער גישטראָפט גיוואָרין . דעם דאָרין מיינט מען . ווען דוד האָט אָפּ געשניטען דיא פּאָלע פון שאולס קלייד אין דעם קעלער . האָט אַבנר גידאַרפט זאָגין צו שאול זעה נאָר וואס פאַר אַצדיק דוד איז . ווען ער האָט אָפּ געשניטען דיא פּאָלע דיינע האָט ער דאָך דיך גיקענט הרגנן . אונ ער האָט דיך ניט גיהרגת . דאַרפסטו אים אויך ניט יאָגין צום הרגנן אים . אונ אַבנר האָט אַזוי ניט גזאָגט . נאָר ער האָט גזאָגט צו שאול דוד האָט גאָר ניט אָפּ געשניטען דיין פּאָלע אין קעלער . נאָר דוא ביסט גיגאַנגען נעבין דערנער האָבען דיא דערנער אָפּ געריסען דיא פּאָלע . ווייל ער האָט גימאַכט נאָך מער שנאה צווישען שאול אונ דוד : דריבער איז ער גישטראָפט גיוואָרין] . עס שטייט אין פסוק יואָב האָט גענייגט אַבנרן אין טויער ער זאל מיט אים ריידין בשלי . רבי יוחנן זאָגט אין טויער מיינט מען צוא דיא סנהדרין זייא זאָלין אים משפטין . יואָב האָט גיפרעגט ביי אַבנר פאַר וואָס האָסטו גיהרגת מיין ברודער עשהאל . האָט אַבנר גזאָגט עשהאל האָט מיך געיאָגט צו הרגנן : האָט יואָב גזאָגט צו אַבנר האָסטו גידאַרפט אָפּ האַקין איינע פון זיינע גלידער וואָלט ער דיך שוין ניט גיקענט הרגנן . וואָלסטו גירעטעט גיוואָרין . האָט אַבנר גזאָגט איך האָב ניט גיקענט אָפּ האַקין פון אים אַנגליד . האָט יואָב גזאָגט מאַדאָך דוא האָסט גיקענט טרעפין מיט דיין שפּיז צו זיין פינפטין ריפּ . האָסטו נישט גיקענט טרעפין אָפּ צו האַקין פון אים אַגליד . עס שטייט אין פסוק צו ריידין מיט אים בשלי . וואָס מיינט מען בשלי . האָט רב יהודה גזאָגט פון רבס וועגין יואָב האָט אָן גיהויבין צו ריידין מיט אַבנר פון דעם וואָרט של . אויס טאָהן דעם שוך . יואָב האָט גיפרעגט ביי אַבנר אַדין . איבמה וואָס האָט ניט קיין העגט וויא אַזוי נעמט זי אַראָפּ דעם שוך פון יבם . האָט זיך אַבנר איין גיבויגין אים צו ווייזין וויא אַזוי זיא בינדט אָפּ מיט דיא ציין . דער ווייל האָט יואָב אַרויס גינומען דעם שפּיז אונ האָט אים גישטאָכין אין פינפטין ריפּ . עס שטייט אין פסוק ער האָט אים גישטאָכין צום פינפטען . האָט רבי יוחנן גזאָגט דאס מיינט מען צום פינפטען ריפּ אויף דעם אָרט וואו דיא גאַל מיט דיא לעבער איינגען . שלמה המלך האָט גזאָגט גאָט וועט צוריק קערין זיין בלוט אויף זיין קאָפּ נאויף דעם

שהם דרשו אכין ורקין. שלא לקיים מלות המלך לעבור על דברי תורה עמשא כדאמרן אבנר כשאמר לו שאול לעבדיו סובו והמיתו את כהני ה׳ וכתיב ולא אבו עבדי המלך לשלוח את ידם לפגוע וגו׳: והוא לא היה דורש. והרג את אוריה במצותו של דוד אע״ג שלא צוה דוד בפיו אלא באגרת כדכתיב ויכתוב בספר לאמר הבו את אוריה וגו׳: ויקבר בביתו במדבר. ביואב כתיב: מופקר לכל. לעניים להתפרנס [מביתו]: אפילו מוניני וצחנתא טעים. אפי׳ דברים דקים ועינוגים: טעים. שהיה טועם: פרים להו. משלח להם למזונות לעניי העיר פרס לשון פרס שנוטלין מבית המלך ופסוק זה בדברי הימים כשלכד דוד את מצודת ציון: מוניני. דגים קטנים: וצחנתא. מין דגים קטנים:

וטובים ממנו ויהרגם בחרב טובים שהם דרשו אכין ורקין והוא לא דרש וצדיקים שהם בפה ולא עשו והוא באגרת ועשה (ש״ב כ) ועמשא לא נשמר בחרב אשר ביד יואב וגו׳ (אר״י) אמר רב שלא חשדו (מ״א ב) ויקבר בביתו במדבר אטו ביתו מדבר הוא אמר רב יהודה [אמר רב] כמדבר מה מדבר מופקר לכל אף ביתו של יואב מופקר לכל ד״א כמדבר (הזה) מה מדבר (הזה) מנוקה מגזל ועריות אף ביתו של יואב מנוקה מגזל ועריות (ד״ה א יא) ויואב יחיה את שאר העיר אמר רב יהודה (אמר רב) אפילו מוניני וצחנתא טעים פרים להו:

פרק שביעי

דף נג) **כא תניא** היה ר״מ אומר מה ת״ל (ויקרא כא) את אביה היא מחללת שאם היו נוהגין בו קדש נוהגין בו חול כבוד נוהגין בו בזיון אומרים ארור שזו ילד ארור שזו גידל ארור שיצאה זו מחלציו אמר רב אשי כמאן קרינן רשיעא

קאפּ פון יוֹאָבן] וואָס. ער האט בגעגינט צְווייא מענטשין וואס זענין גיוועזן פרימער און בעסער פאר אים און ער האט זייא גיהרגת מיט דעם שווערד. בעסער פון אים זענין זייא גיוועזן. זייא האבען גידרשת דעם וואָרט אַךְ און דעם וואָרט רַק. אז דער מלך הייסט טאָהן אַעֲבֵירָה זאָל מען אים ניט פאָלגין נעמשא אזוי וויא עס שטייט אין סימן יט. און אבנר; שאול האט אים גיהייסן ער זאָל הרגנן דיא כהנים פון נוב. האט ער ניט גיוואָלט]; און יואב דרשת ניט די צְווייא ווערטער אַךְ און רַק. נאר ער האט גיטאהן אַעֲבֵירָה צו פאָלגין דעם מלך (אז דוד האט גיהייסען יואב זאָל הרגנן אוריה החתי. האט ער אים גיהרגת); און פרום זענין זייא גיוועזן. צו עמשא און צוא אבנר האט דער מלך מיט זיין מויל גזאגט. און זייא האבען אים ניט גיפאָלגט. ווייל זייא האבען ניט גיוואָלט טאהן אַעֲבֵירָה. און צוא יואב האט דער מלך מיט זיין מויל ניט גזאגט. ער האט נאר געשיקט אבריף צו יואב מען זאָל הרגנן אוריה החתי. האט יואב איבּ באלד גיפאָלגט. עס שטייט אין פסוק און עמשא האט זיך ניט גיהיט פאר דעם שווערד וואס בייא יואב אין האנט. רב זאגט עמשא האט ניט חושד גיוועזן יואב ער זאָל אים וועלין הרגנן. עס שטייט אין פסוק מען האט יואבן בגראָבין אין זיין שטוב אין דער מדבר; איז דען דיא שטוב פון יואב גיוועזן אין דער מדבר. האט רב יהודה גזאגט פון רבס וועגין זיין שטוב איז גיוואָרין אזוי וויא דער מדבר. אזוי וויא דער מדבר איז פריי צו אלע מענטשין. אזוי די שטוב פון יואב איז אויך גיוואָרין פריי צו אלע מענטשין. אנדערע זאגין אזוי מיינט מען דיא שטוב פון יואב איז גיוועזן אזוי וויא דער מדבר. אזוי וויא דער מדבר איז ריין פון גזלה און פון זנות אזוי דיא שטוב פון יואב איז אויך גיוועזן ריין פון גזלה און פון זנות. אין פסוק שטייט און יואב האט גישפייזט דיא איבעריגע מענטשין פון שטאט. רב יהודה האט גזאגט אפילו מוניני (קליינע פישלאך) און צחנתא (דאס איז אויך אזוי אמין קליינע פישלאך) וועם יואב הט גיגעסין. האט ער זיי אויך געשיקט צום עסין:

פרק שביעי

א תניא. מיר האבען גילערנט רבי מאיר האט גזאגט עס שטייט אין פסוק אז אטאכטער פון אכהן האט מזנה גיוועזן האט זיא פאר שעמט איר פאטער. אויב מען הט אים גיהאלטען הייליג. זאָל מען אים האלטען פראסט. אויב מען האט אים גיגעבין כבוד זאָל מען

בר רשיעא ואפילו לרשיעא בר צדיקא כמאן (כהני תנאי) [כהאי תנא]: **משנה** מצות הנשרפים וכו' ונותנין סודר קשה לתוך הרכה וכורך על צוארו זה מושך אצלו וזה מושך אצלו עד שפותח את פיו ומדליק את הפתילה וזורקה לתוך פיו ויורדת לתוך מעיו וחומרת את בני מעיו וכו': **גמ'** מנ"ל אתיא שרפה שרפה מעדת קרח מה להלן שרפת נשמה וגוף קיים אף כאן שרפת נשמה וגוף קיים ר' אלעזר אומר אתיא שרפה שרפה מבני אהרן מה להלן שרפת נשמה וגוף קיים אף כאן שרפת נשמה וגוף קיים מאן דיליף מעדת קרח מנ"ל דכתיב (במדבר יז) את מחתות החטאים האלה בנפשותם שנשמתם נשרפת וגוף קיים ואידך ההיא שרפה ממש [היא] ומאי בנפשותם שנתחייבו שרפה

קשה לתוך הרכה. כורכים סודר קשה לתוך הרכה מפני שהרכה אינה הוזקת לפתוח פיו והקשה מחבלת את גרונו ומגוולתו לפיכך קשה מבפנים להזיק ורכה מבחוץ להגין: [ומדליק. מתיך]: הפתילה בגמ' מפרש פתילה של אבר: וחומרת. לשון תרגומו מעי [כוולת]: מנ"ל. דכי האי גוונא שרפה היא [דקאמר רחמנא]: אתיא שרפה שרפה. כ' הכא באש תשרף וכתיב התם אשר הקריבו השרופים מה להלן גוף קיים וכו': מבני אהרן. דכתיב בהו יבכו את השריפה: מנ"ל. דעדת קרח הכי הוו: בנפשותם. ולא בגופם: שרפה ממש. הלכך ע"כ לא מצינן למילף גוף קיים מהתם [ולקמן פריך ותהוי שריפה ממש ולילף שריפת ב"ד מיניה ותהוי נגמגם].

אים פאר שעמען. מען זאגט צו אים פאר פלוכט זאל זיין דיא פאטער אונ מוטער וואס האבען אזוי אטאכטער גיבארין ׃ פאר פלוכט זאל זיין דיא פאטער אונ מוטער וואס האבען אזוי אטאכטער גיאדעוועט . פאר פלוכט זאל זיין די פאטער אונ מוטער וואס די טאכטער איז ארויס גיגאנגען פון זייערע לענדין . רב אשי זאגט פר וואס רופט מען רשע בן רשע אפילו צו ארשע בן צדיק . אזוי וויא דער תנא . וואס ער זאגט אז אטאכטער איז מזנה פלוכט מען דעם פאטער . אפילו דער פאטער הט גאר ניט געזינדיגט ׃

ב משנה . מצות ׃ וויא אזוי האבען בית דין פאר ברענט אמענטשין . מען האט דעם מענטש אריין גיזעצט אין מיסט ביז צו דיא קניא . אונ מען האט אריין גילייגט אהארטין שטריק אין אווייכין האנטוך . מען האט ארום געוויקולט דעם שטריק מיט אהאנטוך . אונ מען האט דעם האנטוך מיט דעם שטריק ארומגעוויקולט ארום זיין האלדז . איין מענטש האט גיהאלטען איין עק אונ דער אנדערער האט גיהאלטען דעם אנדערין עק . דער הט גיצויגין דעם עק צו זיך . אונ דער אנדערער הט גיצויגין דעם אנדערין עק צו זיך . ביז ער האט גימוזט עפענען די מויל . אונ מען לייגט אריין אשטיק בלייא אין אלעפיל אונ מען האלט דעם לעפיל אויף דעם פייער ביז די בלייא ווערט צו שמאלצין ווי וואסער . אונ מען גיסט אריין דיא בלייא דעם מענטש אין האלדז אונ די בלייא גייט אראפ ביז אין דיא גידערים ׃ אונ דאס פאר ברענט דיא גידערים ׃ פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז אזוי זאל מען פאר ברענען . ענטפערט די גמרא מיר לערנען אפ דעם פאר ברענען פון בית דין פון דעם פאר ברענען וואס דיא מענטשין פון קרח זענען פאר ברענט גיווארין . אזוי וויא דיא מענטשין פון קרח זענען זייערע נשמות פאר ברענט גיווארין . אונ דיא קערפערס זענען געבליבען אין גאנצין . אזוי דיא מענטשין וואס ווערין פאר ברענט פון בית דין זאל מען אויך פאר ברענען זייערע נשמות . אונ דיא קערפערס זאלין בלייבען אין גאנצין ׃ רבי אלעזר זאגט מיר לערנען אפ דעם פאר ברענען פון בית דין . פון דעם פר ברענען וואס דיא קינדער פון אהרן זענען פאר ברענט גיווארין . אזוי וויא דיא קינדער פון אהרן זענען זייערע נשמות פאר ברענט גיווארין . אונ דיא קערפערס זענען געבליבען ׃ אזוי דיא מענטשין וואס ווערין פאר ברענט פון בית דין זאל מען אויך פאר ברענען זייערע נשמות אונ די קערפערס זאלין בלייבען אין גאנצין . פרעגט דיא גמרא דער וואס לערנט אפ פון קרח מענטשין . פון וואנען ווייסען מיר אז דיא מענטשין פון ק״ח זענען נאר דיא נשמות פאר ברענט גיווארין אונ ניט דיא קערפערס . ענטפערט דיא גמרא עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט נעמען דיא פייער פאנען פון דיא מענטשין וואס האבען געזינדיגט מיט זייערע נשמות . זייערע נשמות זענען פאר ברענט גיווארין אבער זייערע קערפערס זענען געבליבען אין גאנצין . אונ דער וואס לערנט אפ פון אהרנס קינדער זאגט דיא מענטשין פון קרח זענען אין גאנצין פאר ברענט גיווארין . וואס דען שטייט מיט

שרפה על עסקי נפשותם כדריש לקיש דאר"ל מ"ד (תהלים לה) בחנפי לעגי מעוג חרק עלי שנימו בשביל חנופה שהחניפו לקרח על עסקי לגימה חרק עליהם שר של גיהנם שיניו ומאן דיליף מבני אהרן מנ"ל דכתיב (ויקרא י) וימותו לפני ה' כעין מיתה ואידך ההוא שרפה ממש הואי ומאי דכתיב וימותו דאתחיל בהו מגואי כעין מיתה דתניא אבא יוסי בן דוסתאי אומר שני חוטים של אש יצאו מבית קדשי הקדשים ונחלקו לד' ונכנסו שנים בחוטמו של זה ושנים בחוטמו של זה ושרפום והכתיב (שם) ותאכל אותם אותם ולא בגדיהם:

על עסקי נפשותם. על חניפת רבינו ושתיק הנוגעת בנפשותם: בחנפי לעגי מעוג. בשביל חנופה של לגימות מעוג שהאכילם והשקם קרח לעדתו ונתחברו עמו חרק עלי וגו' מעוג לשון דבר מאכל כדכתיב בעוגת רצפים שאמרה לאליהו חי ה' אלהיך אם יש לי מעוג: מנ"ל. דגוף קיים בבני אהרן: שרפה ממש. אף הגוף אכל מבפנים בתחילה שריפתן ובדפה ואכלה עצמות ובשר: והכתיב ותאכל אותם. ומשמע מיעוט אותם ולא דבר אחר ואם הכל נשרף מאי קא ממעט ומשני אותם ולא בגדיהם:

וכבר היו. איידי דאיירי בבני אהרן תנא ליה הכא לאשמעינן דבשביל שהיו מבקשין שררה ורבנות

ג **וכבר** היו משה ואהרן מהלכים בדרך ונדב ואביהוא מהלכין אחריהם וכל ישראל אחריהם אמר ליה נדב לאביהוא אימתי ימיתו שני זקנים הללו

זייערע נְשָׁמוֹת. זייא זענען פאר שולדיגט געוואָרין צו פאר ברענט ווערין וועגין דיא זינד וואָס זיי האבען געטאָהן מיט זייערע נשמות. דאָס מיינט מען אזוי וויא ריש לקיש האָט גזאָגט עס שטייט אין פסוק בְּחַנְפֵי לַעֲגֵי מָעוֹג חָרַק עָלַי שִׁנֵּימוֹ. פון וועגין דיא חֲנִיפָה וואָס דיא מענטשין האָבען גיחַנְפֶּת צו קֹרַח פון וועגין דאָס עסין אונ טרינקען וואָס קרח האָט זייא גיגעבין. דריבער האָט דער שַׂר פון גֵיהִנָּם געקריצט אויף זייא מיט דיא ציין. פרעגט דיא גמרא אונ דער וואָס לערינט אָפּ פון אהרנ'ס קינדער. פון וואנען ווייס ער אז נאר זייערע נשמו׳ת זענען פאר ברענט געוואָרין אונ דיא קערפּערס זענין געבליבען. ענטפערט דיא גמרא וואָרום עס שטייט אין פסוק זייא זענען גישטאָרבין פאר גאָט. האָט דאָך גידארפט שטיין זייא זענען פאר ברענט געוואָרין פאר גאט. נאָר צו ווייזין אז זייער פאר ברענען איז געווען וויא שטארבין. אזוי ווי מען שטארבט גייט דאָך נאר ארויס דיא נשמה אונ דער גוף בלייבט אין גאנצין. זייער פאר ברענען איז אויך אזוי געווען. דיא נשמות זענען פאר ברענט געוואָרין אונ דיא קערפערס זענען געבליבען אין גאנצין. אונ דער וואָס לערינט אָפּ פון קרח'ס מענטשין זאָגט. דיא קינדער פון אהרן זענין אין גאנצין פאר ברענט געוואָרין. דיא קערפערס אויך. וואָס דען שטייט זיי זענען געשטארבען. זייא זענען פאר ברענט געוואָרין אזוי וויא שטארבין. אזוי וויא שטארבט מען דאָך אינוועיניג. אזוי איז געווען זייער ברענונג. זייא זענען פריער פאר ברענט געוואָרין אינוועניג. אז זייא זענען שוין טויט געווען. האָבען אָן גיהויבען צו ברענגען דיא קערפערס ואָבער אז מען לייגט איינעם אויף אפייער צום פאר ברענען. פריער ברענט דער קערפער. אונ ער לעבט נאָך. דער נאָך גייט ארויס דיא נשמה. ווארום מיר האָבען גילערנט אבא יוסי בן דוסתאי זאָגט צוויי פעדים פייער זענען ארויס גיגאנגען פון קדשי קדשים. אונ זייא זענען צו טיילט געוואָרין אויף פיר פעדים. אונ צווייא פעדים פייער זענען אריין גיגאנגען אין די צווייא נאז לעבער פון נדב. אונ צוויי פעדים פייער זענען אריין גיגאנגען אין דיא צווייא נאז לעבער פון אביהוא. אונ זייא זענען פאר ברענט געוואָרין. פריער דיא נשמות דער נאָך דיא קערפערס. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאָך אין פסוק דער פייער האָט זייא פר ברענט. זעהט אויס נאָר זיי. אונ ניט קיין אנדער זאך. אז דיא נשמות מיט דיא קערפערס זענען פאר ברענט געוואָרין. וועלכע זאך איז ניט פאר ברענט געוואָרין. איז דאָך אלץ פאר ברענט געוואָרין. ענטפערט די גמרא זייערע קליידער זענען ניט פר ברענט געוואָרין:

ג **וכבר**. משה אונ אהרן זענען אמאָהל גיגאנגען אין וועג. אונ אינטער זייא איז גיגאנגען נדב אונ אביהוא. אונ אלע יודין זענען גיגאנגען אינטער נדב ואביהוא. האָט נדב גזאָגט צו אביהוא ווען וועלין שטארבין דיא צוויי זקנים (משה אונ אהרן) אונ איך אונ דוא

דללי וא י ואתה ננהינו את הדור אמר להן הקב"ה נראה כי קובר את מי א"ר פפא היינו דאמרי אינשי נפישי גמלי סבי דטעיני משכי דהוגני :

ד א"ר אלעזר (סס ע"ב) למה ת"ה דומה לפני עם הארץ בתחלה דומה לו לקיתון של זהב סיפר עמו דומה לו לקיתון של כסף נהנה ממנו דומה לו לקיתון של חרס כיון שנשבר שוב אין לו תקנה :

(דף נס) ה (תניא כתיב (דברים יג) ואשריהם תשרפון באש) [א"ר ששת תניתוה] ומה אילנות שאין אוכלים ואין שותים ואין מריחים אמרה תורה השחת שרוף וכלה הואיל ובא לאדם תקלה על ידם המטעה את חבירו מדרכי חיים לדרכי מיתה עאכ"ו :

(דף נו) ו ת"ר ז' מצות נצטוו בני נח דינין וברכת השם וע"ז וגלוי עריות ושפיכות דמים וגזל ואבר מן החי (סס ע"ב) ר' (חנינא) [חנניא בן גמליאל] אומר אף על הדם [מן החי] ר' חידקא אומר אף על הסירוס ר' שמעון אומר אף על הכשוף רבי יוסי

מתו : נפישי גמלי סבי דטעיני משכי דהוגני. הרבה גמלים זקנים טוענין עורות גמלים יונקים שמתו. בספרי מדין ועיפה מתרגמינן הוגני בהרם קלה היינו גמלא נערה וינקה הויא קלה ועסקים רעים מתמת שלא הורגלה לטעון מבאוי :

למה ת"ה כו'. משום דאיירי בעדת קרח נקט לה שהיו ת"ח כדכתיב נשיאי עדה קריאי מועד אנשי שם ועל שם שפיהם אותו רשע כשנכנסו ממנו הוקלו בעיניו להסיתם ולהחזיק ידו במחלוקת ולמרוד בהקב"ה : בתחלה. כשהוא מתנהג בכבוד שאין לבך לו הוא יקר בעיניו :

[אילנות של אשרה דכתיב בהו תשרפון באש. אמרה תורה וכו'. אלמא תקלה וכו' שאף הם הוזהרו על ע"ז] :

וגילוי עריות כולן חוץ מנערה המאורסה כדכתיב גבי אבימלך הנך מת על האשה אשר לקחת והיא בעולת בעל בעולה בעל יש להם נערה מאורסה אין להם : אף על הדם מן החי. [כולהו יליף

וועלין פירען דעם דור (דיא יודין). האט גאט געזאגט צו זייא מיר וועלין זעהן ווער עס וועט בגראבין וועמען. צו איר וועט בגראבין משה און אהרן. צו משה און אהרן וועלין אייך בגראבין. רב פפא זאגט דאס איז וואס מענטשין זאגין פיל אלטע קעמלען טראגין אויף זיך די פעל פון די יונגע קעמלען וואס זענען גיפייגערט :

ד אמר. רבי אלעזר האט געזאגט וויא זעהט אוים דער תלמיד חכם ביי דעם עם הארץ, אין אנהייב איז דער תלמיד חכם טייער ביי דעם עם הארץ אזוי וויא א גאלדענער קריגול. אז דער תלמיד חכם האט נאר געשמועסט מיט דעם עם הארץ. איז ער ביי אים נאר טייער ווי א זילבערנער קריגול. אז דער תלמיד חכם האט נאר הנאה גיהאט פון דעם עם הארץ. איז ער ביי אים נאר גלייך וויא א ערדענער קריגול. און א ערדענער קריגול אז ער ווערט צו בראכין קען ער שוין ניט גאנץ ווערין. אזוי קען שוין ניט דער תלמיד חכם צוריק טייער ווערין ביי דעם עם הארץ :

ה תניא. מיר האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק זייערע לינדען בוימער זאלט איר פאר ברענגען אין פייער. רב ששת זאגט מיר האבען גילערונט. מאדאך בוימער וואס זייא עסין ניט און טרינקען ניט און שמעקין ניט האט די תורה גזאגט מען זאל זייא פאר דארבין און פאר ברענגען און פאר לענדין. ווייל א מענטש האט געזינדיגט דורך זייא. אז א מענטש פאר פירט זיין חבר פון די וועגין וואס פירען צום לעבין אויף דיא וועגין וואס פירען צום שטארבין. געוויס וועט גאט שטראפין דעם מענטש :

ו תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט זיבען מצות זענען גיבאטין גיווארין דיא קינדער פון נח (אלע פעלקער). איינס איז דינים. זייא זאלין מאכען דיינים צו משפטין און פר גלייכען אלע קריג וואס וועט זיין צווישען מענטשין. דאס אנדערע איז זייא זאלין ניט לעסטערין גאט. דאס דריטע איז זייא זאלין ניט דינען עבודה זרה. דאס פערטע איז זייא זאלין ניט מזנה זיין. דאס פינפטע איז זייא זאלין ניט הרגנן מענטשין. דאס זעקסטע איז זייא זאלין ניט גזלנן. דאס זיבעטע איז זייא זאלין ניט אפ שניידין א שטיק פלייש פון א לעבעדיגע בהמה און עסין. רבי חנניא בן גמליאל זאגט זייא טארין ניט עסין בלוט וואס גייט ארויס פון א לעבעדיגע בהמה. רבי חידקא זאגט זייא טארין ניט מאכין א פעקער אין א לעבעדיגע זאך אז עס זאל ניט

יוסי אומר כל האמור בפרשת מכשף בן נח מוזהר עליו (שם יח) לא ימצא בך מעביר בנו וגו' כי תועבת ה' כל עשה אלה ובגלל התועבות האלה וגו' ולא ענש הכתוב אלא אם כן הזהיר ר' (אליעזר) [אלעזר] אומר אף על הכלאים מותרים בני נח ללבוש כלאים ולזרוע כלאים ואינם אסורים אלא בהרבעת בהמה והרכבת אילן מנה"מ א"ר יוחנן דאמר קרא (בראשית ב) ויצו ה' אלהים על האדם לאמר מכל עץ הגן אכול תאכל ויצו אלו הדינים וכה"א (שם יח) כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו וגו' ה' זו ברכת השם וכה"א (ויקרא כד) ונוקב שם ה' מות יומת אלהים זו ע"ז וכה"א (שמות כ) לא יהיה לך אלהים אחרים על פני על האדם זו שפיכות דמים וכה"א (בראשית ט) שופך דם האדם לאמר זו גילוי עריות וכה"א (ירמיה ג) לאמר הן ישלח איש את אשתו והלכה מאתו והיתה לאיש אחר מכל עץ הגן ולא גזל אכול תאכל ולא אבר מן

שמעתייהו לקמן: פרשת מכשף זו היא שמזכיר והולך לא ימצא בך ובגלל התועבות האלה ומדענשם עליהן ש"מ הוזהרו על כולן דלא ענש אלא א"כ הזהיר: מותרין בני נח כו'. סיפא דמלתא דרבי אליעזר היא וכולה מפרש לקמן: מכל עץ הגן ולא גזל. מדאיצטריך למישרי ליה ולהפקיר לו עצי הגן ש"מ שאינו מופקר לו אסור לו: אכול תאכל. שעומד לאכילה ולא תאכל אבר מן החי דבהמה

קענען האבין קינדער. רבי שמעון זאגט זייא טארין ניט מאכין כישוף. רבי יוסי זאגט אלץ וואס עס שטייט אין דיא פרשה פון מכשף זענען דיא קינדער פון נח (אלע גוים) פאר באטין זייא זאלין דאס ניט טאהן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס זאל ניט געפונען ווערין אין דיר ווער עס זאל דורך פירען זיין זוהן אדער זיין טאכטער אין פייער. ווארום עס איז פאר מיאוסת ביא גאט ווער עס טוהט דיא אלע זאכין אונ פון וועגין דיא פאר מיאוסתה זאכין טרייבט זייא גאט ארויס פון לאנד. אונ גאט שטראפט ניט אז ער האט ניט פריער אן געזאגט געווים האט גאט פריער אן געזאגט זייא זאלין דאס ניט טאהן. רבי אלעזר זאגט דיא קינדער פון נח (דיא גוים) זענען פאר באטין אויף כלאים. דיא קינדער פון נח (דיא גוים) מעגין אן קליידין כלאים. זייא מעגין גיין אין אקלייד וואס איז געמאכט פון וואל מיט פלאקס. אונ זייא מעגין פאר זייען אין פעלד כלאים. צוויי מינים צו זאמען. זייא טארין נאר ניט צו זאמען פארין צוויי מינים בהמות (למשל אאקס מיט אאייזיל) זייא זאלין האבען קינדער איינער פון אנדערין. אונ זייא טארין ניט נעמען אצווייג פון איין בוים אריין זעצין אין איין אנדער בוים וואס ער איז ניט זיין מין פון דעם צווייג זאל ווערין אבוים מיט פירות. זאגט דיא גמרא פון וואנען ווייסען מיר דיא אלע זאכען. האט רבי יוחנן געזאגט ווארום עס שטייט אין פסוק ויצו ה' אלהים על האדם לאמר מכל עץ הגן אכול תאכל. ויצו מיינט מען גאט האט געבאטין אויף דינים. מען זאל מאכען דיינים צו משפטין דיא מענטשין וואס האבען קריג. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט אויף אברהם איך האב אים ליב ווייל ער וועט געביטען זיינע קינדער אונ זיינע שטוב מענטשין זייא זאלין טאהן משפט. ה' מיינט מען זייא זאלין ניט לעסטערין גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער וואס וועט ארויס ריידין דעם נאמען פון גאט אונ וועט אים לעסטערין. זאל מען אים הרגנן. אלהים מיינט מען מען זאל ניט דינען עבודה זרה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט האבען אלהים אחרים. פרעמדע געטער. על האדם מיינט מען מען זאל ניט הרגנן א מענטשין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שופך דם האדם. דער וואס פאר גיסט דיא בלוט פון א מענטשין. ער הרגנט אים. זאל מען זיין בלוט פאר גיסען. זאל מען אים הרגנן. לאמר מיינט מען מען זאל ניט מזנה זיין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק לאמר הן ישלח איש את אשתו. דער נביא זאגט אז א מאן גט זיין ווייב אונ זיא נעמט איין אנדער מאן. טאר איר שוין דער ערשטער מאן ניט צוריק נעמען. אונ אז ער נעמט איר צוריק הייסט דאס מזנה געווען. שטייט דאך ביי מזנה זיין דער ווארט לאמר. מכל עץ הגן. פון אלע ביימער פון גארטין מעגסטו עסין. אבער טארסט ניט גזלן אונ עסין. אכול תאכל. דוא זאלסט עסין אזוי אזאך וואס איז שוין צום עסין. אבער דוא זאלסט ניט אפ שניידין א שטיק פלייש פון

מן החי כי אתא ר' יצחק תאני אפכא ויצו זו ע"ז אלהים אלו הדינים בשלמא אל הים אלו דדינים דכתיב (שמות כב) ונקרב בעל ה בית אל האלהים אלא ויצו זו ע"ז מאי משמע רב חסדא ורב יצחק בר אבדימי חד אמר מהכא (שם לב) סרו מהר מן הדרך אשר צויתים עשו להם וגו' וח"א מהכא (הושע ה) עשוק אפרים רצוץ משפט כי הואיל הלך אחרי צו וא דינין בני נח איפקוד והתניא עשר מצות נצטוו בני ישראל במרה שבע שקבלו בני נח והוסיפו עליהם דינים ושבת וכבוד אב ואם דינים דכתיב (שמות טו) שם שם לו חק ומשפט שבת וכבוד אב ואם דכתיב (דברים ה) כאשר צוך ה' אלהיך ואמר רב יהודה כאשר צוך במרה אמר רב נחמן אמר רבה בר אבוה לא נצרכה אלא לעדה ועדים והתראה אי הכי מאי והוסיפו עליהם דינים אלא אמר רבא לא נצרכה אלא לדיני קנסות אכתי הוסיפו בדינים

שהייה אינה עומדת לאכילה אלא לגדל ולדות: עשוק אפרים. מיד שונאיו ורצוץ משפט רצין ע"י שופטיו של הקב"ה: כי הואיל הלך אחרי צו. מפני שנהג ללכת אחרי צווי נביאים של בעל: כאשר צוך ה' אלהיך (כדכתיב) [וכתיב] בדברות האחרונות גבי שבת וכבוד אב ואם והיכן צוך הא ליכא למימר דמשה הוה אמר להו בערבות מואב כאשר צוך בסיני דמשה לאו מאליו היה שונה להם משנה תורה ומזהירם על מצותיו אלא כמו שקבלה הוא היה חוזר ומגיד להם וכל מה שכתוב בדברות האחרונות היה כתוב בלוחות וכן שמע בסיני: לעדה ועדים והתראה. וכן נצטוו ישראל במרה להיות דנין בסנהדרין של כ"ג כדאמרינן עדה שופטת ועדה מצלת דבני נח לא איפקוד בהכי כדילפינן לקמן מקראי דבן נח נהרג בעד אחד ובדיין אחד: א"ה מה הוסיפו עליהן דינין. אין אלו דינין אלא מצוה דיינין: דיני קנסות. הוסיפו במרה דבני נח לא הוזהרו עליהן דכתיב וי לו וגמרינן לה מאשר יצוה דהתם לדקס

אלעבעדיגע בהמה אונ עסין. ווארום אבהמה ווען זיא לעבט איז זיא דאך נאך ניט קיין עסינוואהרג. אז רבי יצחק איז גיקומען האט ער גילערונט פאר קערט. ויצו מיינט מען גאט האט גיבאטין מען זאל ניט דינען עבודה זרה. אלהים מיינט מען דינים (דיינים) זאגט דיא גמרא אז אלהים מיינט מען דינים (דיינים) איז רעכט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער בעל הבית זאל גינעגען אל האלהים. צו דיא דיינים. אבער פון וואנען ווייסין מיר אז ויצו מיינט מען עבודה זרה. זאגט דיא גמרא אין דעם קריגט רב חסדא אונ רב יצחק בר אבדימי. איינער זאגט פון דעם פסוק זייא האבין גשווינט אפ גיקערט פון דיא וועג אשר צויתים. וואס איך האב זייא גיבאטין אונ זייא האבען גימאכט אקאלב צום דינען צו איר: אונ איינער זאגט פון דעם פסוק אפרים איז גירויבט גיווארין פון זיינע פיינד. אונ ער איז צוא בראכען פון דעם משפט וואס גאט האט אים גיטאהן. ווייל ער האט גיוואלט גיין אחרי צו. נאך דעם גיבאט וואס דיא נביאים פון דער עבודה זרה האבען גיבאטען. פרעגט דיא גמרא זענען דען דיא קינדער פון נח (דיא גוים) גיבאטין גיווארין אויף דינים. מיר האבען דאך גילערונט צעהן מצות זענען דיא יודין גיבאטען גיווארין אין מרה. זיבען מצות וואס דיא קינדער פון נח האבען אויף זיך גינומען. אונ מען האט זייא צו גיגעבין נאך דריי מצות. דינים אונ שבת אונ צוא געבין כבוד פאטער אונ מוטער: פון וואנען ווייסען מיר אז אין מרה האט מען דיא יודין גיבאטין אויף דינים. ווארום עס שטייט. אין פסוק דארטין (אין מרה) האט מען גיטאהן צו די יודין תוקים אונ משפטים. ביי שבת אונ ביי כבוד געבין פאטער אונ מוטער שטייט אזוי וויא גאט האט דיך גיבאטין. האט רב יהודה גיזאגט אזוי וויא גאט האט דיך גיבאטען אין מרה: זעהן מיר אז דיא קינדער פון נח זענען גאר ניט גיבאטין גיווארין אויף דינים: האט רב נחמן גזאגט פון רבה בר אבוהם וועגין. דיא קינדער פון נח זענען יא גיבאטין גיווארין אויף דינים. נאר וואס מען האט גיבאטין צו דיא יודין אין מרה. איז דאס גיוועזן אויף עדה אונ עדים אונ התראה. דאס מיינט מען אז מען משפט אמענטשין צום הרגנן מוז זיין דריי אונ צוואנציג דיינים. אונ עס מוזין זיין צוויי עדות. אונ מען מוז דעם מענטשין פריער זאגין דוא זאלסט ניט טאהן דיא עבירה ווארום מען וועט דיך הרגנן. אונ דיא קינדער פון נח ווערין געמשפט דורך איין דיין אונ איין עדות אונ מען דארף אים ניט פריער אן זאגין. פרעגט דיא גמרא אויב אזוי. וואס זאגט דיא גמרא מען האט גימערט אויף זייא דינים. דאס איז דאך ניט קיין דינים. נאר דאס איז פאר דיינים. וויא פיל דיינים עס זאלין זיצען ביי דעם משפט. אונ וויא פיל עדות דארפין זיין. אונ דיא עדות דארפין דעם מענטשין פריער אן זאגין. הט רבא

בדינים מיבעי ליה וכו' אלא אמר (רב פפא) [רבא] האי תנא דבי מנשה הוא דמפיק ד"כ ומעייל ס"כ דתני דבי מנשה ז' מצות נצטוו בני נח ע"ז וגילוי עריות ושפיכות דמים וגזל ואבר מן החי וסירוס וכלאים ר' יהודה אומר אדם הראשון לא נצטוה אלא על ע"ז בלבד שנא' (בראשית ב) ויצו ה' אלהים על האדם ר' יהודה בן בתירא אומר אף על ברכת השם וי"א אף על הדינין:

(דף מ ע"ב) ז נאשכח רבי יעקב בר אחא דהוה כתוב בספר אגדתא דבי רב] בן נח נהרג (בדיין אחד ובעד אחד שלא בהתראה מפי א"ש ולא מפי אשה ואפי' קרוב משום ר' ישמעאל אמרו) אף על העוברין וכו' מ"ט דר' ישמעאל דכתיב (בראשית ט) שופך דם האדם באדם דמו ישפך איזהו אדם

פירוש

ומשפט כתיב דהיינו דין ופשרה אבל עקשות לאו משפט נינהו דקפסקינן ליה טפי מדינים: בדינין מבעי ליה. דליכוי משמע שהוסיפו להם בהלכות דינין שנצטוו עליהם כבר אבל השתא דקתני הוסיפו עליהם דינין משמע כל הלכות דינין הוסיפו: האי תנא. דברייתא דלעיל דקתני הוסיפו עליהן דינין דמשמע דבני נח לא נצטוו עליה תנא דבי מנשה הוא: ד"כ. דינין וברכת השם: ס"כ. סירוס וכלאים: שבע מצות וכו' לקמן מפרש דתנא דבי מנשה לא דרש ויצו (דכל חדא) והני כל חדא באנפי נפשיה כתיבא בהו: אדם הראשון לא נצטווה אלא על ע"ז בלבד. שנאמר ויצו ה' אלהים את אלהותו אני עליו על האדם שלא ימירהו באחר: אף על ברכת השם. דנפקא ליה נמי מאלהים אלהותו אני עליו שלא יקללהו כדכתיב אלהים לא תקלל: אף הדינין. מאלהים נפקא נמי יהא אלהותו עליך להיות מוראו בלבך ולא מורא בשר ודם להטות משפט כי המשפט לאלהים הוא כדמפרש ואזיל: שופך דם האדם

גְזאָגְט אַזוֹי מֵיינְט מֶען אִין מָרָה הָאט מֶען צוּא גִינֶעבִּין נָאךְ דִינִים נַייֶע וָואס דִיא קִינְדֶער פוּן נֹחַ וֶוענֶען אוֹיף דֶעם נִיט גִיוֶוען גִיבָּאטִין: דִיא קִינְדֶער פוּן נֹחַ וֶוענֶען נָאר גִיוֶוען גִיבָּאטֶען אוֹיף דִינִים. אוּנ דִיא יוּדִין הָאט מֶען גִבָּאטֶען אַז דִי דַייָנִים מֶעגִין קְנָסֶען מֶען זָאל בַּצָאהלִין מֶער וִויא דֶער דִין אִיז. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא הָאט דָאךְ גִיבַארְפְט שְׁטֵיין מֶען הָאט גִימֶערְט נָאךְ דִינִים. וָואלְט מֶען גִימֵיינְט צוּא דִיא דִינִים וָואס אִיז גִיוֶוען פוּן פְרִיֶער. הָאט מֶען צוּא גִינֶעבִּין נָאךְ דִינִים. אָבֶּער אַז עֶס שְׁטֵייט מֶען הָאט גִימֶערְט דִינִים. מֵיינְט מֶען פְרִיֶער אִיז קֵיין דִינִים נִיט גִיוֶוען. אוּנ אִיצְט הָאט מֶען גִיבָּאטִין דִינִים. הָאט רָבָא גִיזָאגְט דֶער תַּנָא וָואס זָאגְט אַז דִיא קִינְדֶער פוּן נֹחַ וֶוענִין נִיט גִיבָּאטִין גִיוָוארִין אוֹיף דִינִים. דָאס אִיז דֶער תַּנָא דְבֵי מְנַשֶּׁה: וָואס עֶר נֶעמְט אַרוֹיס פוּן דִיא זִיבֶּען מִצְוֹת ד"כ (דִינִים אוּנ בִּרְכַּת ה'. גָאט לֶעסְטֶערִין). אוּנ עֶר שְׁטֶעלְט אַרַיין ס"כ (סֵירוּס אוּנ כִּלְאַיִם. מֶען טָאר נִיט מַאכֶען אַפֶּעלֶער אִין אַלֶעבֶּעדִיגֶע זַאךְ. עֶס זָאל נִיט קֶענֶען הָאבֶּען קִינְדֶער. אוּנ מֶען טָאר נִיט צוּ זַאמֶען פָּארִין צְווַיי מִינִים בְּהֵמוֹת זֵייא זָאלִין הָאבֶּען קִינְדֶער אֵיינֶער פוּן אַנְדֶערִין). וָוארוּם דְבֵי מְנַשֶּׁה הָאבֶּען גִילֶערְנְט זִיבֶּען מִצְוֹת וֶוענֶען דִי קִינְדֶער פוּן נֹחַ גִיבָּאטִין גִיוָוארִין. זֵייא זָאלִין נִיט דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה. זֵייא זָאלִין נִיט מְזַנֶה זַיין. זֵייא זָאלִין נִיט הַרְגֶנֶען אַמֶענְטְשִׁין. זֵייא זָאלִין נִיט גַזְלֶנֶען. זֵייא זָאלִין נִיט אָפּ שְׁנַיידִין אַשְׁטִיק פְלֵייש פוּן אַלֶעבֶּעדִיגֶע בְּהֵמָה אוּנ עֶסִין. אוּנ זֵייא זָאלִין נִיט מְסָרֵס זַיין. אוּנ זָאלִין נִיט פָּארִין צְווַיי מִינִים. רַבִּי יְהוּדָה זָאגְט אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז נִיט מֶער גִיבָּאטִין גִיוָוארִין נָאר עֶר זָאל נִיט דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וַיְצַו ה' אֱלֹהִים עַל הָאָדָם. גָאט הָאט גִיבָּאטִין אוֹיף אָדָם עֶר זָאל אִים הַאלְטֶען פַאר אַגָאט אוּנ עֶר זָאל נִיט דִינֶען קֵיין אַנְדֶערִין. רַבִּי יְהוּדָה בֶּן בְּתֵירָא זָאגְט אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז גִיבָּאטִין גִיוָוארִין עֶר זָאל נִיט לֶעסְטֶערִין גָאט. אַנְדֶערֶע זָאגֶען אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז גִיבָּאטִין גִיוָוארִין אוֹיף דִינִים. אַז עֶס וֶועלִין גִיבָּארִין וֶוערִין נָאךְ מֶענְטְשִׁין זָאל עֶר זַיין זֵייעֶר דַיָין. אָדֶער מֶען זָאל מַאכֶען דַיָינִים:

ז אַשְׁכַּח. רַבִּי יַעֲקֹב בַּר אַחָא הָאט גִיפוּנֶען אַסֵפֶר אַגַדְתָּא בַּיי רַב. אִיז אִין אִים גִיוֶוען גֶעשְׁרִיבֶּען אַז דִיא קִינְדֶער פוּן נֹחַ וֶוערִין גֶעמִשְׁפֶּט צוּם גִיהַרְגֶת וֶוערִין דוּרְךְ אֵיין דַיָין אוּנ דוּרְךְ אֵיין עֵדוּת אוּנ מֶען דַארְף אִים נִיט פְרִיֶער אָן זָאגִין. דֶער עֵדוּת דַארְף זַיין אַזָכָר. אָבֶּער נִיט אַנְקֵבָה. אֲפִילוּ אַקָרוֹב קֶען אוֹיךְ זַיין אַעֵדוּת, פוּן רַבִּי יִשְׁמָעֵאלְס וֶועגִין הָאט מֶען גִיזָאגְט אַז אַגוֹי הַרְגֶת אַקִינְד וֶוען עֶר אִיז נָאךְ בַּיי זַיין מוּטֶער אִין בּוֹיךְ. דַארְף מֶען דֶעם גוֹי הַרְגֶנֶען: פוּן וַואנֶען וַוייס דָאס רַבִּי יִשְׁמָעֵאל. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַז עֶר פַאר גִיסְט דִי בְּלוּט פוּן אַמֶענְטְשִׁין אִין אַמֶענְטְשִׁין. זָאל זַיין בְּלוּט פַאר גָאסִין וֶוערִין. וָואס מֵיינְט מֶען אַמֶענְטְשִׁין

אדם שבאדם הוי אומר זה עובר שבמעי אמו :

(דף נח ע"ב) ח ת"ש מפני מה לא נשא אדם את בתו כדי שישא קין את אחותו שנא' (תהלים פט) אמרתי עולם חסד יבנה :

ט [א"ר חנינא עכו"ם שהכה את ישראל חייב מיתה שנאמר (שמות ב) ויפן כה וכה וירא כי אין איש ויך את המצרי וגו'] וא"ר חנינא הסוטר לועו של ישראל כאילו סוטר לועו של שכינה שנאמר (משלי כ) מוקש אדם ילע קדש :

י אמר ריש לקיש כל המגביה ידו על חברו אע"פ שלא הכהו נקרא רשע שנאמר (שמות ב) ויאמר לרשע למה תכה רעך הכית לא נאמר אלא תכה אע"פ שלא הכהו נקרא רשע זעירי א"ר חנינא נקרא חוטא שנאמר (ש"א ב) ואם לא לקחתי בחזקה וכתיב (שם) ותהי חטאת הנערים גדולה מאד את פני ה' רב הונא אמר תקצץ ידו שנא' (איוב לח) וזרוע רמה תשבר רב

[באדם . שבתוך האדם] דמו ישפך : חסד יבנה . תחלתו של עולם נבנה בחסד שלוה הקב"ה לגמול חסד את בנו ואסרה לו והתירה לקין כדי שיבנה העולם והיינו דכתיב כי יקח איש את אחותו בת אביו חסד הוא מה שהתרתי לקין חסד גמלתי עמו: ויך את המצרי . משום דהכה איש עברי : מוקש אדם ילע קודש . המוקש את האדם היינו ישראל שקרויין אדם דכתיב ואתנה צאני צאן מרעיתי אדם אתם אתם קרויין אדם וכו' : ילע קודש . כאלו לועה את הקודש כלו' כסוטר על לועו סוטר מכה : ואם לא לקחתי בחזקה . בבני עלי כתיב שהיו תוקפין בבשר הזבחים ואומרים אם לא תתן לי אקח בחזקה דהיינו כמרים ידו שהיו מגזמים להכות : וזרוע רמה . הרגילה לגוס על חבירו :

אין אמענטשין . דאס איז א קינד וואס אין דער מוטערס בויך . אז מען הרגעט דם קינד . בארף מען דעם רוצח הרגנן :

ח תא שמע . דיא גמרא פרעגט פאר וואס האט אדם הראשון נישט גינומען זיין טאכטער פאר א ווייב : ענטפערט דיא גמרא קין זאל נעמען זיין שוועסטער פאר א ווייב . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט זאגט איך האב גזאגט דיא וועלט זאל גיבאוט ווערין מען זאל טאהן חסד איין מענטש מיט דעם אנדערין . אזוי וויא איך האב גיטאהן חסד מיט קין . איך האב פר באטען אדם זאל ניט נעמען זיין טאכטער : קין זאל קענען נעמען זיין שוועסטער פאר איין ווייב :

ט אמר . רבי חנינא האט גזאגט אז א גוי שלאגט א יודין . אפילו ער הרגעט אים ניט , וועט אים גאט שטראפין אז ער וועט שטארבין פאר דיא עבירה [ועיין מהרש"א] . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק . ווען דער מצרי האט גישלאגין דעם יודין . האט זיך משה גיקערט אין יעדער זייט [ער האט זיך גוט אומגיקוקט אויף דעם מצרי] אונ ער האט גיזעהן אז עס איז ניטא קיין מענטש וועלכער מענטש איז שוין פאר שולדיגט גיווארין צו גאט ער זאל שטארבין . אונ ער וועט שוין ניט לעבין] : האט משה אים גישלאגען אונ האט אים גיהרגעט . נאך האט רבי חנינא גזאגט אז מען גיט א פאטש א יודין אין באק איז גלייך וויא מען וואלט א פאטש גיגעבין דיא באק פון דער שכינה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מוקש אדם . דער וואס שלאגט א מענטשין ועיין רש"י בחומש פרשה ראה על פסוק פן תנקש] . דאס מיינט מען ער שלאגט [ער פאטשט] א יודין . ילע קדש : איז גלייך וויא ער וואלט גישלאגען [גיפאטשט דיא באק פון] דיא הייליגע שכינה :

י אמר . ריש לקיש זאגט דער וואס הייבט אויף די האנט אויף זיין חבר צו שלאגן אים . אפילו ער האט אים נאך ניט גישלאגין . ווערט ער שוין גירופען א רשע . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק משה האט גזאגט צום רשע למה תכה רעך . עס שטייט ניט הכית . פר וואס האסטו גישלאגען דיין חבר . נאר עס שטייט תכה . פאר וואס וועסטו שלאגין דיין חבר . ווען מיר אפילו ער האט אים נאך ניט גישלאגען . ווערט ער שוין גירופען א רשע . זעירי האט גיזאגט פון רבי חנינאס וועגין דער וואס הייבט אויף זיין האנט צו שלאגין דעם חבר : הייסט ער א זינדיגער : אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אונ אויב דוא וועסט ניט געבין . וועל איך נעמען מיט שטארקייט . ער וועט שלאגין אונ וועט נעמען : זאגט דער פסוק דיא זינד פון דיא יונגען איז גיוועין זייער גרויס פר גאט . ווייל זייא האבען גיוואלט שלאגין . רב הונא זאגט זיין האנט וועט

רב הונא קץ ידא ר' אלעזר אומר אין לו תקנה אלא קבורה שנאמר (שם כב) ואיש זרוע לו הארץ ואמר ר"א לא נתנה קרקע אלא לבעלי זרועות שנא' ואיש זרוע לו הארץ. ואמר ר"ל כ"ד (משלי יב) עובד אדמתו ישבע לחם אם עושה אדם עצמו כעבד לאדמה ישבע לחם ואם לאו לא ישבע לחם:

יא אמר ריש לקיש בן נח ששבת חייב מיתה שנאמר (בראשית ח) ויום ולילה לא ישבותו ואמר מר אזהרה שלהן זו היא מיתתן (פשיטא) אמר רבינא (לא נצרכה) אפילו בשני בשבת (דף נט) א"ר יוחנן עבו"ם שעוסק בתורה חייב מיתה שנא' (דברים תורה

קץ ידא: מאדם אחד שהיה רגיל להכות את חבירו וקנסו בכך כדאמרינן בפרקין דלעיל בית דין מכין ועונשין שלא מן התורה לעשות סייג וגדר לדבר: איש זרוע. איש שמניף זרוע לו הארץ מתוקנת לקבורה כלומר ראוי להמיתו ולקוברו: לא ניתנה קרקע. כלומר אין ראוי לקנות קרקע אלא לבני זרוע מפני שהתגר רעה ע"י קרקע שבאות בהמות ומפרידות וגנבים באין וגוזלים (ועוררין עליה) [ועוררין עליו] וצריך שיהא חזק לעומדם לעמוד כנגדן: כעבד לאדמה. לעסוק בה תמיד לחרישה והשקאה וניכוש ועידור:

עכו"ם ששבת. ממלאכתו יום שלם חייב מיתה שנא' ויום ולילה לא ישבותו וקא דריש לה לא ישבותו ממלאכה דאבני אדם [נמי] קאי ולא תימא לא ישבותו אהך ו' עתים דקרא קאי כלומר יבטלו לא יפסקו מלהיות פשיטא אמר רבינא לא גרסינן דהא טובא קמשמע לן דאבני אדם קאי [ולא תימא לא ישבותו אהך ו' עתים דקרא קאי כלומר לא יבטלו ולא יפסקו מלהיות]: (לא נצרכה) [אמר רבינא] כו'. לא תימא שביתה (לשון טובה דקאמר ר"ל) [דקאמר ר"ל לשון טובה קאמר] דלא לכוין לשבות כגון בשבת שהוא יום שביתה לישראל וכה' בשבת ששובתין בו הנוצרים אלא תנוחה בעלמא] קא לכר להו שלא יבטלו ממלאכה ואפילו יום שאינו בר שביתה: שני בשבת. יומא קמא דלאו בר שביתה נקט

אפ געהאקט ווערין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וזרוע רמה תשבר. דער מענטש וואס זיין ארעם איז אויפגעהויבען צו שלאגין זיין חבר. וועט דער ארעם צו בראכען ווערין. עס איז אמאהל געוועזען א מענטש וואס ער איז געוועזען געוואוהנט צו שלאגין מענטשין. האט רב הונא געפסקנת מען זאל אים אפ האקין דיא האנט. רבי אלעזר זאגט צו אזוי א מענטש איז ניטא קיין הילף נאר מען זאל אים בגראבין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ואיש זרוע הארץ [דער מענטש וואס הייבט אויף דיא האנט זיינע צו שלאגין] לו הארץ [פאר אים איז אן געברייט דיא ערד. מען זאל אים אין איר בגראבין]. נאך האט רבי אלעזר גזאגט ערד זאלין נאר קויפען דיא שטארקע מענטשין [ווייל פיל קריג איז דא ביי פעלדער. אמאהל עסין פרעמדע בהמות די תבואה פון פעלד. אמאהל קומען גנבים ביי נאכט און שנייךן אפ דיא תבואה]. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ואיש זרוע לו הארץ. דער שטארקער מענטש פאר אים איז גוט ער זאל קויפען ערד. נאך הט ריש לקיש גיזאגט עס שטייט אין פסוק עובד אדמתו ישבע לחם. דער מענטש וואס הט פעלדער אויב ער איז ביי זיינע פעלדער אזוי ווי א קנעכט. ער זאל טאהן אלע ארבעט צו דער צייט. וועט ער זאט זיין מיט ברויט. און אויב ער וועט זיין פויל צו די ארבעט וועט ער ניט זאט זיין מיט ברויט:

יא אמר. ריש לקיש האט גזאגט דיא מענטשין וואס זענען געוועזען געצין דינער [זייא ווערין גירופען דיא קינדער פון נח] אז זייא רוהען א טאג מיט א נאכט און ארבעטין ניט. זענען זייא פאר שולדיגט געווארין צו גאט זייא זאלין שטארבין פאר דיא עבירה. ווארום עס שטייט אין פסוק א טאג מיט א נאכט זאלין זייא ניט רוהען. און דער תנא האט גיזאגט צו דיא קינדער פון נח מען האט זייא פאר זאגט זייא זאלין אזאך ניט טאהן און זייא האבען גיטאהן. זענען זייא פאר שולדיגט דעם טויט. זייא זאלין שטארבען פאר דיא עבירה דורך דיא האנט פון גאט. רבינא זאגט אפילו דער טאג וואס זייא רוהען איז ניט דער יודישער שבת און ניט דער קריסטליכער שבת. זייא רוהען מאנטאג אדער איין אנדער טאג אין דער וואך. איז אויך א עבירה און זייא וועלין שטארבען פאר דיא עבירה. רבי יוחנן זאגט אז א גוי לערונט תורה קומט אים מיתה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק תורה צוה לנו משה מורשה. דיא תורה וואס משה האט אונז געבאטין. איז ביי אונז א ירושה. דיא תורה איז אונזער ירושה. אבער ניט צו גוים א ירושה. דרך בער אז דיא גוים לערנען דיא תורה. גזלנן זייא דיא תורה ביי אונז. פרעגט דיא גמרא פאר וואס רעכענט מען ניט דעם דין צו דיא זיבען מצות וואס מען האט זייא גיבאטען. ענפערט דיא גמרא דער וואס טייטשט מורשה א ירושה. איז דאך די תורה אונזערע:

נג) תורה צוה לנו משה מורשה לנו מורשה ולא להם וליחשבה גבי שבע מצות ס"ד מורשה מגזל קא גזיל לה מאן דאמר מאורסה דינה כנערה המאורסה דבסקילה מיתיבי היה רבי מאיר אומר מנין שאפילו עבו"ם ועוסק בתורה שהוא ככהן גדול שנא' (ויקרא יח) אשר יעשה אותם האדם וחי בהם כהנים לוים וישראלים לא נאמר אלא האדם הא למדת שאפי' עבו"ם ועוסק בתורה הרי הוא ככהן גדול התם בשבע מצות דידהו ׃

(שם ע"ב) יב אמר רב יהודה אמר רב אדם הראשון לא הותר לו בשר לאכילה דכתיב (בראשית א) לכם יהיה לאכלה ולכל חית הארץ ולא חית הארץ לכם וכשבאו בני נח התיר להם שנא' (בראשית ט) כירק עשב נתתי לכם את כל יכול לא יהא אבר מן החי נוהג בו ת"ל (שם) אך בשר בנפשו דמו לא תאכלו וכו' מיתיבי (שם א) ורדו בדגת הים מאי לאו לאכילה לא למלאכה ודגים בני מלאכה ניהו

נקט וה"ה דהוה מצי למינקט ג' ויד׳ : מורשה לנו ולא להם. והיכא מצוה גזל כדמפרש : מורשה מאורסה . אמורשה היכא דדרשי להו גבי עש האלהך בס' אלא עוברין בפסחים : מיגזל קא גזיל להו . והא קחשיב גזל וכן נערה המאורסה דהא בכלל גילוי עריות הוא : [בשבע מצות דידהו . עוסקין בהלכות אותן שבע מצות להיות בקיאין בהן] : לא הותר בשר לאכילה דכתיב הנה נתתי לכם את כל עשב זורע זרע וגו' ולכל חית השדה לכם ולחיות נתתי כל העשבים ואת כל האילנות ואת כל ירק עשב לאכילה אבל חית הארץ לא נתתי לכם : כירק עשב. שהפקרתי לאדה"ר לאכול נתתי לכם מעכשיו את כל חפי' בהמות וחיות : ורדו

אז דער גוי לערונט די תורה. הייסט דאס ער גזלת זיא ביי אונז. אונ גזלה איז דאך איינע פון די זיבען מצות. אונ דער וואס טייטשט מורשה. אזוי וויא מאורסה. די תורה איז אזוי וויא אכלה צו די יודין. אזוי וויא אגוי טאר ניט מזנה זיין מיט אכלה וואס איור האט איר מקדש גיוועהן. אונ אז ער איז יא מיט איר מזנה דארף מען אים הרגנן מיט שטיינער. אזוי אז אגוי לערונט די תורה וואס זיא איז די יודישע כלה וואס זייא האבען איר מקדש גיוועהן איז אויך גלייך וויא זייא וואלטען מיט איר מזנה גיוועהן. קומט זיי מיתה. אונ מזנה זיין איז דאך איינע פון די זיבען מצות. פרעגט די גמרא מיר האבען דאך געלערנט רבי מאיר פלעגט זאגין פון וואנען ווייסען מיר אז אפילו אגוי לערונט תורה איז ער גלייך וויא אכהן גדול. ווארום עס שטייט אין פסוק איר זאלט היטען מיינע חקים אונ מיינע משפטים וואס אמענטש וועט זייא טאהן וועט ער לעבין דורך זייא. עס שטייט ניט אין פסוק אז אכהן אדער אלוי אדער אישראל וועט זייא טאהן. עס שטייט נאר אז אמענטש וועט זייא טאהן. ווער דער מענטש וועט זיין. אפילו אגוי וועט לערנען תורה איז ער גלייך צו אכהן גדול. ענטפערט די גמרא דאס מיינט מען אז ער וועט לערנען זיינע זיבען מצות. אבער די גאנצע תורה גיהער צו איודין. אונ אז אגוי לערונט איר קומט אים מיתה ׃

יב אמר. רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין צו אדם הראשון איז ניט מותר גיוועזן צו עסין פלייש. ווארום עס שטייט אין פסוק אלץ וואס עס וועט וואקסען אין פעלד אונ אלע פירות זאל דאס זיין פאר אייך צום עסין אונ צו אלע חיות צום עסין. די מענטשין אונ די חיות זאלין עסין אלץ וואס וועט וואקסען אין פעלד. אבער די מענטשין טארין ניט עסין די חיות ׃ אונ אז נח מיט זיינע קינדער זענען ארויס גיגאנגען פון דער תיבה. האט גאט זיי מתיר גיוועזן צו עסין פלייש. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אזוי וויא ביז איצט האב איך אייך מתיר גיוועזן צום עסין נאר גראז. פון איצט אן גיב איך אייך אלץ צום עסין. אפילו פלייש אויך ׃ איך וואלט מיינען אז זייא האבען גימעגט אפ שנייזען אשטיק פלייש פון אלעבעדיגע בהמה אונ עסין. שטייט אין פסוק ווען די פלייש איז נאך מיט די נשמה מיט די בלוט זאלט איר ניט עסין. נאר פריער מוז מען די בהמה שעכטין דער נאך עסין די פלייש. פרעגט די גמרא עס שטייט דאך אין פסוק איר זאלט גיוועלטיגען אין די פיש פון ים גוועוים מיינט מען מען זאל זייא עסין. זאגט די גמרא ניט צום עסין נאר צו ארבעטין מיט זייא. פרעגט די גמרא פיש ארבעטין. ענטפערט די גמרא יא עס איז דא אזעלכע פיש וואס ארבעטין. אזוי ווי רחבה

נינהו אין כדרחבה דבעי רחבה הנהיג בעיזא ושבוטא מאי ת"ש (שם) ובעוף השמים מאי לאו לאכילה לא למלאכה ועופות בני מלאכה נינהו אין כדבעי רבה בר רב הונא דש באווזין ותרנגולין לרבי יוסי ברבי יהודה מהו ת"ש (שם) ובכל חיה הרומשת ההוא (מיבעי ליה) לאהויי נחש הוא דאתא דתניא ר"ש בן מנסיא אומר חבל על שמש גדול שאבד מן העולם שאלמלא נתקלל נחש כל אחד ואחד מישראל היו מזומנים לו שני נחשים טובים אחד משגרו לצפון ואחד משגרו לדרום להביא לו סנדלבונים טובים ומרגליות טובות ולא עוד אלא שמפשילין לו רצועה מתחת זנבו ומוציא בו עפר לגינתו ולחורבתו מיתיבי [היה] רבי יהודה בן תימא אומר אדם הראשון מיסב בגן עדן היה והיו מלאכי השרת צולין לו בשר ומצננין לו יין והציץ בו נחש וראה כבודו ונתקנא בו התם בבשר היורד מן השמים ומי איכא בשר היורד מן השמים אין כי הא

דרבי

גזרת היא. לאדה"ר נאמר: הנהיג בעיזא ושבוטא. קשר קרון לדג שבוט ולעז בינהם על שפת הים ושניהם מנהיגין אותן: מהו. לוקה משום מנהיג בכלאים או לא חורש בשור ובחמור לאו היינו דכל תרי מיני נמי אסירי בשור שנגח את הפרה: דש באווזין ותרנגולים לר' יוסי. בהשוכר את הפועלים תנן היה עושה בידיו אבל לא ברגליו וכו' רבי יוסי ברבי יהודה אומר וכו' ע"ש אלמא בני מלאכה נינהו: ובכל חיה הרומשת. ואי לאו לאכילה חיות לאו בני מלאכה נינהו: ומשני ההיא לאהויי נחש קאמר. ולמלאכה דנחש בר מלאכה הוא קודם שנתקלל נילך על גחון: חבל: הפסד כל חבל לשון קבול וצער הוא כלו' הפסד בא לעולם ויש לנוד ולקבול על שמש גדול שאבד וכו': סנדלבון. שם אבן טובה: צולין לו בשר. אלמא

האט געזאגט. ווארום רחבה האט געפרעגט אז איינער האט געהאט א וואגען ביי דעם ברעג ים האט ער צו געבונדען צום וואגען דעם פיש וואס הייסט שבוטא אונ א קאזע האט ער אויך צו געבונדען צום וואגען. אונ דער פיש מיט די קאזע שלעפען דעם וואגען. דער פיש שווימט אין וואסער ביי דעם ברעג אונ ציהט דעם וואגען אונ די קאזע גייט אויף דער ערד ביי דעם ברעג אונ ציהט אויך דעם וואגען; מעג מען אזוי צוא גיין. זעהן מיר דאך אז א פיש קען אויך ארבעטין. פרעגט די גמרא עס שטייט דאך איר זאלט געוועלטיגען אויף די פויגעל וואס פליהען אונטערין הימעל. וואס זאל מען אויף זייא געוועלטיגען. געוויס צו עסין. ענטפערט די גמרא ניט צום עסין נאר צו ארבעטין מיט זיי. פרעגט די גמרא עופות ארבעטין. ענטפערט די גמרא יא עס איז דא אזעלכע עופות וואס מען ארבעט מיט זייא. אזוי וויא רבה בר רב הונא האט געפרעגט. אז מען האט גידרעשט תבואה מיט גענדז אונ מיט הינער נאך רבי יוסי ברבי יהודה וויא איז דער דין. זעהן מיר אז עופות ארבעטין. פרעגט די גמרא עס שטייט דאך איר זאלט געוועלטיגען אויף אלע חיות וואס קריכען אויף די ערד. וואס זאל מען אויף זייא געוועלטיגען. געוויס צום עסין. ענטפערט די גמרא ניט צום עסין נאר צום ארבעטין מיט זייא; אונ וועלכע חיה שטייט צו די ארבעט. דאס מיינט מען דעם שלאנג; ווארום איידער דער שלאנג איז געפלוכט געווארין האט מען געארבעט מיט אים. אזוי וויא מיר האבען גילערנט רבי שמעון בן מנסיא האט געזאגט מיר האבען א גרויסען שאדין געהאט וואס מיר האבען פארלארען פון דער וועלט א גרויסען בדינער. ווארום אז דער שלאנג וואלט ניט געפלוכט געווארין. וואלט מען גיגעבין צו יעדער יוד צוויי גוטע שלאנגען. איינעם וואלט ער געשיקט אין צפון זייט פון דער וועלט. אונ איינעם וואלט ער געשיקט אין דרום זייט פון דער וועלט זיי זאלין אים ברענגען גוטע סנדלבונים (בריליאנטין גוטע) אונ פעריל גוטע. אונ נאך מער וואלט מען מיט אים גיטאהן. מען וואלט אים איין געשפאנט צו א וואגין אונ מען וואלט מיט אים געפירט ערד צו א גארטין אויס מיסטען אונ אוויסטען ארט אויס גלייכען מיט ערד. פרעגט די גמרא מיר האבען גילערנט רבי יהודה בן תימא האט געזאגט אדם הראשון איז גיזעסען אין גן עדן אונ די מלאכים האבען גיבראטען פלייש פון זיינעט וועגין אונ זיי האבען אפ געקיהלט וויין פון זיינעט וועגין אונ דער שלאנג האט גיקוקט אויף אדם אונ ער האט גיזעהן זיין כבוד האט ער אים מקנא גיוועען; זעהן מיר דאך אז אדם האט גיגעסען פלייש. ענטפערט די גמרא אין גן עדן האט ער גיגעסען פלייש וואס איז אראפ גיקומען פון הימעל. פון די

דרבי שמעון בן חלפתא הוה קא אזיל באורחא פגעו ביה הה־ך אריותא והוה קא נהמי באפיה אמ׳ (תהלים קד) הכפירים שואגים לטרף נחותו תרתי אטמתי חדא אכלוה וחדא שבקוה אייתי ואתא לבי מדרשא בעו עלה דבר טמא הוא זה או דבר טהור א״ל אין דבר טמא יורד מן השמים

הותר לו לאכול כאמות וחיות : מספי באפיה . לאכלו :
קרועי בגדים . על גידופין ששמעו מפי רבשקה דכתיב אשר שלחו מלך אשור לחרף אלהים חי :

(דף ס) יג (פיסקא) נגמר הדין (הדיינין עומדין על רגליהן וקורעין וכו׳) עומדין מנ״ל אמר רבי יצחק בר אמי דאמר קרא (שופטים ג) ואהוד בא אליו והוא יושב בעלית המקרה אשר לו לבדו ויאמר אהוד דבר אלהים לי אליך ויקם מעל הכסא והלא דברים ק״ו ומה עגלון מלך מואב שהוא נכרי ולא ידע אלא בכינוי עמד ישראל ושם המפורש עאכ״ו . קורעין מנ״ל דכתיב (מ״כ יח) ויבא אליקים בן חלקיהו ושבנא הסופר ויואח בן אסף המזכיר אל חזקיהו קרועי בגדים ויגידו לו את דברי רבשקה . ולא מאחין מנ״ל א״ר אבהו אתיא קריעה קריעה כתיב הכא קרועי בגדים וכתיב התם (מ״ב ב) ואלישע רואה והוא מצעק אבי אבי רכב ישראל ופרשיו ולא ראהו עוד ויחזק בבגדיו ויקרעם לשנים קרעים

פלייש שמעסין מיר ניט ; פרעגט דיא גמרא קומט דען פלייש פון הימעל . ענטפערט די גמרא יא עס קומט פלייש פון הימעל . ווארום רבי שמעון בן חלפתא איז אמאהל גיגאנגען אין וועג · האבען אים בגעגינט לייבין אונ האבען גיברומט צו אים . אויף צוא עסין אים . האט רבי שמעון גזאגט דיא לייבין ברומען אונ שרייען ווייל זייא ווילען עסין . איז אראפ גיקומען פון הימעל צוויי גרויסע שטיקער פלייש . איין שטיק פלייש האבען דיא לייבין אויף גיגעסן . אונ איין שטיק האבען זייא גילאזין . איז רבי שמעון גיקומען אין בית המדרש אונ האט געוויזען דיא שטיק פלייש . האט מען אין בית המדרש ניט געוואוסט צו דיא פלייש איז פון אבהמה וואס איז טמא . אדער פון אבהמה וואס איז טהור . הט רבי שמעון צוא זיי גזאגט פון הימעל וועט ניט אראפ קומען אזאך וואס איז טמא :

יג פיסקא . נגמר . אין דער משנה שטייט ווען דיא עדות זאגין פאר בית דין וויא אזוי דער מענטש האט גילעסטערט גאט . זענען דיא דיינים גישטאנען אויף זייערע פיס אונ זייא האבען גערסען דיא קליידער אונ זייא האבען ניט צוריק צו זאמען גינייט קיין מאהל . פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז מען דארף שטיין . האט רבי יצחק בר אמי גיזאגט עס שטייט אין פסוק אהוד איז גיקומען צו עגלון דער מלך פון מואב · אונ עגלון איז גיזעסען אין זיין קיהל שטוב אויף דעם פוידים וואס איז נאר גיוועזען פר אים אליין · הט אהוד גזאגט צו עגלון איך האב דיר צו זאגין אגעטליכע זאך ; איז עגלון אויף גישטאנען פון שטוהל . מאראך עגלון דער מלך פון מואב וואס ער איז אגוי אונ ער האט ניט מער גיהערט נאר דעם ביי נאמען פון גאט איז ער אויף גישטאנען פון זיין שטוהל אונ איז געבליבען שטיין · אייוד וואס הערט דעם אמתין נאמען פון גאט ; איז געוויס אז ער דארף שטיין · פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז מען דארף רייסען דיא קליידער · ווארום עס שטייט אין פסוק אליקים בן חלקיהו אונ שבנא הסופר אונ יואח בן אסף המזכיר זענען גיקומען צו חזקיהו מיט צוריסענע קליידער אונ זייא האבען גזאגט צו אים דיא רייד פון רבשקה . וואס ער האט גילעסטערט גאט . זעהן מיר אז זייא האבען גיהערט דיא לעסטערונג פון גאט האבען זייא צוריסען די קליידער · פון וואנען ווייסען מיר אז מען זאל דעם ריס קיין מאהל ניט צו נייען ; האט רבי אבהו גזאגט מיר לערנען אגזרה שוה קריעה קריעה . דא שטייט זייא זענען גיקומען קרועי בגדים (מיט צוריסענע קליידער) אונ דארט שטייט אלישע האט גיזעהן וויא אליהו גייט ארויף אויף דעם הימעל האט ער געשריגען מיין פאטער מיין פאטער דוא ביסט דער רייט וואגין פון דיא יודין אונ זיינע רייטער אונ אלישע הט שוין אליהו ניט מער גיזעהן האט אלישע אן גינומען

קרעים משמע שנא' ויקרעם לשנים איני יודע שה קרעים מה ת"ל קרעים מלמד שהן קורעין לעולם :
יד נאמר רב יהודה אמר שמואל השומע אזכרת מפי הנכרי אינו חייב לקרוע וא"ת רבשקה ישראל מומר היה. ואמר רב יהודה אמר שמואל אין קורעין אלא על שם המיוחד בלבד לאפוקי כינוי דלא ופליגא דרבי חייא בתרוייהו דא"ר חייאן השומע אזכרה בזמן הזה אינו חייב לקרוע שאם אי אתה אומר כן נתמלא כל הבגד קרעים ממאן אילימא מישראל מי פקירי כולי האי אלא פשיטא מנכרי ואי בשם המיוחד מי גמירי אלא לאו בכינוי וש"מ בזמן הזה הוא דלא הא מעיקרא חייב ש"מ :

פירוש

השומע אזכרה. ברכת השם מפי הנכרי אינו חייב לקרוע : וא"ת. הרי קרע על רבשקה ישראל מומר היה] : בזמן הזה. שאנו בגלות ואין אימת ב"ד מוטלת עליהן לדון חייבי מיתות : נתמלא כל הבגדים קרעים. לפי שהדבר תדיר לפי שאין מתיראים מב"ד: מי גמירי נכרים שם המיוחד כ"כ שמקללין בו תמיד דקאמר נתמלא כל הבגד מלו קרעים: אלא לאו בכינוי. תדיר ובזמן הזה הוא דלא קרעינן משום דנתמלא כל הבגד וכו' אבל בזמן ב"ד קורעין על הנכרים ואכינוי :
אלמלא ו"ו שבהעלוך. דהשתא לא כפרו בהקב"ה אמרי שהשתפוהו בדבר אחר : לאלהות

(דף סג) **טו אמר** רבי יוחנן אלמלא וא"ו שבהעלוך נתחייבו שונאיהם של ישראל כליה כתנאי אחרים אומרים אלמלא וא"ו שבהעלוך נתחייבו

מײנע קלײדער װיקרעם לשנים קרעים. אונ ער האט זײא צוריסען אויף צװײען צו ריסען. איז דאך אקשיא אז עס שטײט ויקרעם לשנים ער האט זײא צוריסען אויף צװײען: װײסען מיר דאך אז זײא זענען צוריסען. װאס שטײט דער װארט קרעים. צו ריסען: נאר דער פסוק לערונט אונז אז זײא זענען געבליבען צוריסען אויף אײביג. אזוי דיא קלײדער װאס דיא מענטשען פון חזקיהו האבען צו ריסען איז אויך געבליבען צוריסען אויף אײביג. װײל זײ האבען גיהערט װיא רבשקה האט גילעסטערט גאט. אונ דיא דיינים אז זײא הערין פון די עדות די לעסטערונג פון גאט אונ זײ צו רײסען די קלײדער בלײבט אויך צו ריסען אויף אײביג:

יד אמר. רב יהודה האט גזאגט פון שמואלס װעגין אז מען הערט װיא אגוי לעסטערט גאט דארף מען ניט רײסען דיא קלײדער. פרעגט דיא גמרא פאר װאס האבען דיא מענטשען פון חזקיה גערִיסען דיא קלײדער װען רבשקה הט גילעסטערט גאט. ענפערט די גמרא רבשקה איז גיװען אמשומד. נאך האט רב יהודה גזאגט פון שמואלס װעגין אז דער מענטש װאס לעסטערט גאט האט ארוים גירעט דעם שם הוי"ה. װאס דאס איז דער נאמען פון גאט. דארף מען צו רײסען דיא קלײדער. אבער אז ער האט נאר גזאגט אביי נאמען פון גאט. למשל רחום חנון. דארף מען ניט רײסען דיא קלײדער. אונ שמואל קריגט אויף רבי חייא אין בײדע דינים: װאָרום רבי חייא האט גזאגט אז מען הערט דיא הײנטיגע צײט װיא מען לעסטערט גאט: דארף מען ניט רײסען דיא קלײדער: װארום אז דוא װעסט זאגין מען דארף יא רײסען די קלײדער. װעלין אלע קלײדער זײן פול מיט ריסען. זאגט דיא גמרא פון װעמען װעט מען הערין דיא לעסטערונג. זאלין מיר זאגן פון יודין. זענען דען אלע יודין אפקורסים זײא זאלין לעסטערין גאט. נאר געװים מײנט מען פון אגוי. דער גוי לעסטערט גאט. אונ מיר זאלין זאגין ער רעט ארוים דעם שם הוי"ה. װען ער לעסטערט. אגוי װײס דאך ניט דעם שם הוי"ה. נאר געװים לעסטערט ער דעם בײ נאמען פון גאט. אונ נאר דיא איצטיגע צײט דארף מען ניט רײסען דיא קלײדער. װײל אלע גוים לעסטערין גאט װעלין אלע קלײדער זײן פול מיט ריסען. אבער פאר צײטען אז אגוי װאלט לעסטערין גאט מיט אבײ נאמען װאלט מען גידארפט רײסען די קלײדער. איז דאך ניט װיא שמואל הט גזאגט:

טו אמר. רבי יוחנן האט גיזאגט װען ניט דער וא"ו װאס שטײט אין װארט העלוך װאלטין דיא יודין פאר לענדט גיװארין װען זײא האבין גימאכט דעם עגל. װארום װען דיא יודין האבין גימאכט דעם עגל האבין זײא גיזאגט אלה אלהיך ישראל אשר העלוך. דאס איז כײן גאט װאס זײא האבין דיך אויף גיבראכט פון מצרים. װעמען האבין דיא יודין גימײנט מיט

דעם

נתחייבו שונאיהם של ישראל כליה א"ל ר"ש בן יוחאי והלא כל המשתף שם שמים ודבר אחר נעקר מן העולם שנאמר (שם כב) בלתי לה' לבדו אלא מה ת"ל אשר העלוך שאוו לאלהות הרבה :

טז תניא מניין לאוכל מן הבהמה קודם שתצא נפשה שהוא בלא תעשה ת"ל (ויקרא יט) לא תאכלו על הדם ד"א לא תאכלו על הדם לא תאכלו בשר ועדיין דם במזרק. ר' דוסא אומר מניין שאין מברין על הרוגי ב"ד ת"ל לא תאכלו על הדם ר"ע אומר מנין לסנהדרין שהרגו את הנפש שאין טועמין כלום כל אותו היום ת"ל לא תאכלו על הדם ר"י אמר אזהרה לבן סורר ומורה מנין ת"ל לא תאכלו על הדם :

(שם ע"ב) **יז אמר** אבוה דשמואל אסור לאדם שיעשה שותפות עם עכו"ם שמא יתחייב לו שבועה ונשבע באליל שלו והתורה אמרה (שמות כג) לא ישמע

הרבה. אף אלהות אחרים קבלו עליהם : ועדיין דם במזרק. הקרבנות : שאין מברין. את האבלים נוהגים כדרך שמברין את האבלים בסעודה ראשונה משל אחרים כדאמריק במ"ק : על הדם. על הגולה ומכברא מוקמינן לה להרוגי ב"ד שנהרגין על עונם שלא ינהגו בהם כבוד משום כפרה : לבן סורר ומורה. דלא ענש אא"כ הזהיר והיכן הזהיר לא תאכלו על הדם לא תאכלו אכילה שנהרגו עליה :

דעם ווארט זייא. גאט אונ דער עגל. האבין זייא געדינט צו ביידע. אונ אז אגוי דינט צו גאט אונ צו נאך איינעם קומט איהם ניט צו הרגנן. אונ דיא יודין ווענען נאך דאמאלס גיוועזן גירעכונט פאר גוים. אבער אז זיס וואלט גישטאנען העלך אן אוא"ו וואלט גיוועזן דער טייטש ער האט דיך אויף גיבראכט פון מצרים. דער עגל אליין. וואלטין זייא דאך געדינט צום עגל אליין. וואלט זייא גאט פאר לענדט פון דער וועלט. זאגט דיא גמרא תנאים קריגען אין דער זאך. אנדערע זאגין ווען ניט דער וא"ו וואס שטייט אין ווארט העלוך וואלטין דיא יודין פאר לענדט גיווארין ווען זייא האבין גימאכט דעם עגל. האט רבי שמעון בן יוחאי גיזאגט דער וואס זאגט אז צו גאט איז דא אשותף. אונ ער דינט צו ביידע צו גאט אונ צום שותף ווערט ער אויס געריבען פון דער וועלט. ווארום עס שטייט אין פסוק נאר צו גאט אליין זאל מען דינען. נאר וואס שטייט אין פסוק אשר העלוך. זייא האבין דיך אויף גיבראכט פון מצרים. נאר די יודין האבין גיגלוסט צו נאך גאטער. זייא האבין ניט געדינט צום עגל אליין. נאר צו נאך עבודות זרות :

טז תניא. מיר האבין גילערונט פון וואנען ווייסין מיר אז איינער האט גישאכטין אבהמה אונ דיא בהמה לעבט נאך טאר מען ניט אפ שניידין פון איהר אשטיק פלייש אונ עסין איידער דיא נשמה גייט ארויס פון איהר. ווארום עס שטייט אין פסוק איהר זאלט ניט עסין אויף בלוט. ווען אין דער בהמה איז נאך דא איהר בלוט, זאלט איהר זיא ניט עסין. אנדערע זאגין דער פסוק מיינט אז מען האט גישאכטין אקרבן אונ דיא בלוט איז נאך אין בעקין. מען האט נאך ניט געשפריצט דיא בלוט אויף דעם מזבח. טאר מען ניט עסין דיא פלייש פון קרבן. ווייל עס שטייט אין פסוק איהר זאלט ניט עסין אויף בלוט. איהר זאלט ניט עסין דיא פלייש ווען דיא בלוט איז נאך אין בעקין. רבי דוסא זאגט פון וואנען ווייסין מיר אז דיא מענטשין וואס ווערין גיהרגת דורך בית דין טארין ניט עסין דיא אבלים עסין דיא ערשטע סעודה נאך דער קבורה פון פרעמדע מענטשין אזוי וויא מען טוהט אויף אלע מתים. שטייט אין פסוק איהר זאלט ניט עסין אויף בלוט. אויף אמענטשין וואס איז גיהרגת גיווארין זאלט איהר ניט עסין דיא ערשטע סעודה אזוי וויא אבלים עסין. רבי עקיבא זאגט פון וואנען ווייסין מיר אז בית דין האבין גיהרגת אמענטשין. טארין זייא ניט עסין דעם גאנצין טאג. שטייט אין פסוק איהר זאלט ניט עסין אויף בלוט. רבי יוחנן זאגט ווא האט דיא תורה פאר זאגט אז אבן סורר ומורה טאר ניט זיין אזולל וסובא. ווארום עס שטייט אין פסוק איהר זאלט ניט עסין אויף בלוט. איהר זאלט ניט עסין אזוי אעסינווארג. וואס דורך דעם וועט אייער בלוט פאר גאסין ווערין :

יז אמר. דער פאטער פון שמואל האט גיזאגט אמענטש טאר ניט מאכין אהאנדיל

בת בקלנבו. [לן כאותה העיר והיא נקראת על שם ע"ז שבה: קורס. נתרז כלו' כרע על ברכיו ותתרז דהיינו ליצנותא דאיסתפי ביה קרא: לא יכלו מלט משא. כרעי שבנקביהם לא יכלו לסבול והכח: לעגלות בית און. על עגלים שבבית אל: יגורו שכן שומרון. ידאגו שוכני שומרון: כי אבל עליו עמו: שיתלם סנחריב ויקח לו: וכמריו. שהיו משמשים אותו: עליו יגילו. שהיו שמחים על שהכיר מפלה שגלה (ממנו) [ממם]: כבודו אלא

ישמע על פיך כי אתא עולא בת בקלנבו אמר ליה רבא והיכא בת מר א"ל בקלנבו א"ל והא כתיב (שם) ושם אלהים אחרים לא תזכירו א"ל הכי א"ר יוחנן כל ע"ז הכתוב בתורה מותר להזכיר שמה והא היכא כתיבא כדכתיב (ישעיה מו) כרע בל קורס נבו. א"ר נחמן כל ליצנותא אסורה חוץ מליצנותא דע"ז דשריא דכתיב כרע בל קורס נבו קרסו כרעו יחדו לא יכלו מלט משא וכתיב (הושע י) לעגלות בית און יגורו שכן שומרון כי אבל עליו עמו וכמריו עליו יגילו על כבודו כי גלה ממנו אל תקרי כבודו אלא כבדו. א"ר יצחק מ"ד (שם יג) ועתה יוספו לחטוא ויעשו להם מסכה מכספם כתבונם עצבים מעשה חרשים וגו מאי כתבונם עצבים מלמד שכל אחד ואחד עשה דמות יראתו ומניחו בכיסו ובשעה שזוכרה מוציאה מתוך חיקו ומחבקה ומנשקה מאי (שם) זובחי אדם עגלים ישקון א"ר יצחק דבי ר' אמי שהיו כומרים נותנים עיניהם

שותפות מיט אגוי. טאמער וועט דער גוי דארפן שווערן צום יודין. וועט ער שווערן ביים זיין עבודה זרה. וועט דאך געהערט ווערן דער נאמען פון דער עבודה זרה דורך דעם יודין. און דיא תורה האט געזאגט עס זאל ניט געהערט ווערן דורך דיין מויל דער נאמען פון דיא עבודה זרה. אז עולא איז געקומען האט ער גענעכטיגט אין קלנבו. האט רבא געזאגט צו עולא וואו האסטו גענעכטיגט. האט עולא געזאגט איך האב גענעכטיגט אין קלנבו. האט רבא געזאגט צו עולא עס שטייט דאך אין דיא תורה איהר זאלט ניט דער מאנען דעם נאמען פון פרעמדע געטער ואונ קלנבו איז דאך אנאמען פון אעבודה זרה. אונ דיא שטאט ווערט גערופן אויף דעם נאמען פון דיא עבודה זרה]. האט עולא געזאגט צו רבא אזוי האט געזאגט רבי יוחנן די עבודה זרה וואס איהר נאמען שטייט אין דער תורה. מעג מען דער מאנען איהר נאמען. אונ וואו שטייט דער נאמען פון די עבודה זרה. ישעיה הנביא האט געזאגט כרע בל קורס נבו. רב נחמן זאגט פון קיין זאך טאר מען ניט לאכין: נאר פון דער עבודה זרה מעג מען לאכין. ווארום דער פסוק לאכט אויך פון די עבודה זרה. כרע בל קורס נבו. די עבודה זרה בל אונ נבו האבין זיך געזעצט אויף די קניא פון זייא זאל ארויס גיין דיא צואה. קרסו כרעו יחדו: זייא האבין צו זאמען געקניט דיא צואה זאל פון זייא ארויס גיין. לא יכלו מלט משא. זייא האבין ניט געקענט דער טראגין דיא משא פון דיא צואה וואס איז געווען אין זייער בויך [דאס האט דער נביא געלאכט פון דיא עבודה זרה. דיא עבודות זרות זענען נאר געווען פון זילבער אדער פון גאלד]. נאך שטייט אין פסוק צוא דיא קעלבער פון בית און טוהען זיך פאר זאמלען דיא וואס רוהען אין שומרון. דיא פאלק זיינע טרויערין אויף אים זייא האבין מורא טאמער וועט סנחריב צוא נעמען זייער גאט. אונ דיא כומרים פרייען זיך אויף אים על כבודו כי גלה ממנו. זאלסט ניט לייענען כבודו. נאר זאלסט לייענען כבדו. זיין שווערקייט. דיא כומרים וואס פלעגין טראגין די עבודה זרה. פרייען זיך היינט ווייל דיא עבודה זרה איז גרינגער געווארין. עס איז פון איר ארויס געגאנגען דיא צואה. דער פסוק לאכט אויך פון דיא עבודה זרה: רבי יצחק זאגט עס שטייט אין פסוק איצט וועלין זייא נאך מערין צוא זינדיגען אונ זייא מאכין פאר זיך געגאסענע געטער פון זייערע זילבער אזוי וויא זייער פארשטאנד בילדער פון מייסטער ארבעט. וואס מיינט מען בילדער וויא זייער פארשטאנד. דער פסוק דער ציילט אונז אז יעדער מענטש האט געמאכט א בילד פון זיין גאט אונ ער האט איהם אריין געלייגט אין זיין בייטיל. אונ ווען ער האט זיך דער מאנט האט ער ארויס גענומען דיא עבודה זרה פון זיין שויס אונ האט זיא ארום גענומען אונ האט איהר געקושט. וואס מיינט דער פסוק זובחי אדם עגלים ישקון: דיא וואס שעכטין מענטשין קושין דיא קעלבער. רבי יצחק האט געזאגט פון דבי רבי אמיס ווענין אז די

עיניהם בבעלי ממון ומרעיבין את העגלים ועושים דמות עצביהם ומעמידין אותם בצד אבוסיהם ומוציאים אותם לחוץ כיון שראו אותם רצים אחריהם וממשמשין בהן אומרים לו ע"ז חפץ בך יבא ויזבח עצמו לו אמר רבא האי זובחי אדם עגלים ישקון עגלים ישקון לזבח אדם מיבעי ליה אלא אמר רבא כל הזובח את בנו לע"ז אומרים לו דורון גדול הקריב לו יבא וישק לו. א"ר יהודה אמר רב אנשי בבל עשו (מ"ב יז) סכות בנות ומאי ניהו תרנגולת אנשי כותא עשו נרגל ומאי ניהו תרנגול אנשי חמת עשו את אשימא ומאי ניהו ברחא קרחא והעוים עשו את (נבחן) [נבחז] ואת תרתק ומאי ניהו כלב וחמור (שם) והספרוים שורפים את בניהם (ואת בנותיהם) באש לאדרמלך וענמלך אלהי ספרוים ומאי ניהו הפרד והסוס אדרמלך דאדר ליה למריה בטעינה וענמלך דעני ליה למריה בקרבא

אף

כהדו. מתלוי עגבוהיו ורעי שבהן ואע"ג דלאו בעלי חיים נינהו ואין בהם רעי אשתעי בהו קרא לשון גנאי: מרעיבין את העגלים. בעלי חיים שהיו עובדים אותם והיו מרעיבין אותם ועושין דמות עצביהם של בעלי ממון. כלו' דמות דיוקנם ומעמידין אותם בצד אבוסיהן של עגלים ומחמת שהן רואין את הדמות תמיד היו מכירין אותם (וכשהיו מוציאין אותם לחוץ היו רעבים ורואין את בעלי הממון והבורים שאלו הן הרגילין לעמוד אצל אבוסיהן): ורצין אחריהם וממשמשין בהם. כלו' האכילונו ואומרים להם הכומרים ע"ז חפץ בך וכו': זובחי אדם. משמע אותן שזבחו האדם: עגלים ישקון. לאחר מכן לעגלים ישקון: לזבות אדם מיבעי ליה. [והכי] הם הכומרים אומרים עגלים הללו נושקין אתכם לזבות עצמכם להם: אנשי בבל עשו את סכות בנות. פסוק אחד בספר מלכים באותן [האומות] שהושיב סנחריב בשומרון ובעריה ועשו להם ע"ז: תרנגולת. היו עובדין לדמות תרנגולת ו לעזים קורין לתרנגולת סכות בנות: ברחא קרחא. עז ברחא קרוי כל צאן והעז קרי ליה קרחא על שאין לו צמר כל כך: נבחן. כלב נובח: דאדר ליה למריה. מהדר את אדוניו ומכבדו שמשליך עליו משאו שהיה צריך לטעון על גוארו: אדרמלך.

כומרים פלעגין געבין זייערע אויגין אויף דיא רייכע מענטשין אוועק צו ברייגען זייא פון דער וועלט. פלעגין זייא מאכין בילדער אזוי ווי די רייכע מענטשין האבין אויסגיזעהן. אונ פלעגין שטעלין דיא בילדער נעבין דיא קארעטעס וואס דיא קעלבער וואס מען האט געדינט צו זיין האבין גיגעסין. אונ דיא בילדער זענען אזוי גישטאנען אלאנגע צייט ביז דיא קעלבער זענען שוין גיוועין גיוואוהנט מיט זיי. דער נאך פלעגין זיי לאזין דיא קעלבער הונגעריג. אונ פלעגין זייא ארויס לאזין אויף דיא גאס. וויא דיא קעלבער האבין דער זעהן דיא רייכע מענטשין. האבין דיא קעלבער, זייא דער קענט ווייל זייא האבען שוין גיקענט דיא בילדער זייערע. פלעגין די קעלבער זייא נאך לויפען אונ האבען זייא גיגלעט ווייל זייא זענען גיוועין הונגעריג. פלעגין דיא כומרים זאגין צו דעם מענטש דיא עבודה זרה וויל דיך. דוא זאלסט דיך מקריב זיין צוא איר. פלעגט ער מוזין קומען זיך לאזין שעכטין צו דיא עבודה זרה. האט רבא גזאגט אויב אזוי מיינט דער פסוק פאר וואס שטייט זובחי אדם עגלים ישקון. דיא וואס האבען גישאכטן דיא מענטשין גייען דער נאך קושין דיא קעלבער. עס האט דאך גיבדארפט שטיין פאר קערט עגלים ישקון לזבוח אדם. דיא כומרים זאגין צו דיא מענטשין דיא קעלבער קושין אייך איר זאלט אייך לאזין שעכטין צו זייא. האט רבא גזאגט אזוי מיינט דער פסוק דער וואס האט גישאכטען זיין זוהן צו דיא עבודה זרה. פלעגין דיא כומרים זאגין צו אים אז ער האט מקריב גיוועין אגרויסע מתנה צו דיא עבודה זרה אונ ער זאל קומען קושין דיא קעלבער ודי עבודה זרה. רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין עס שטייט אין פסוק דיא מענטשין פון בבל האבען גימאכט פאר עבודה זרה סכות בנות. וואס איז סכות בנות. אהון. צו דיא הון האבען זייא געדינט. דיא מענטשין פון כותא האבען גימאכט עבודה זרה נרגל. וואס איז נרגל. אהאן. צו דעם האן האבען זייא געדינט. דיא מענטשין פון חמת האבען גימאכט עבודה זרה אשימא. וואס איז אשימא. אקאזע צוא דיא קאזע האבען זייא געדינט. אונ דיא עוים האבען גימאכט צווייא עבודה זרות נבחן אונ תרתק. דאס איז אהונט אונ אאייזיל. אונ דיא ספרוים פלעגין פאר ברענגען זייערע קינדער אין פייער צו אדרמלך אונ ענמלך דיא געטער פון ספרוים. דאס איז אאייזיל אונ אפערד. דעם אייזיל רופט מען אדרמלך. ווייל ער בשיינט דעם בעל הבית ער זאל ניט דארפין טראגין אויף זיך די משא: נאר ער לייגט זיא ארויף אויף דעם אייזיל ואדר איז דער טייטש שיין: מלך מיינט מען דעם

אף חזקיה מלך יהודה בקש אביו לעשות לו כן אלא שסכתו אמו סלמנדרא אר"י אמר רב יודעים היו ישראל בע"ז שאין בה ממש ולא עבדו ע"ז אלא להתיר להם עריות בפרהסיא מתיב רב משרשיא (ירמיה ז) כזכור בניהם מזבחותם וגו' וא"ר אלעזר כאדם שיש לו געגועין על בנו בתר דאביקו ביה ת"ש (ויקרא כו) ונתתי את פגריכם על פגרי גלוליכם אמ"ו אליהו הצדיק היה מחזר על תפוחי רעב שבירושלי' פעם אחת מצא תינוק שהיה תפוח ומוטל באשפה א"ל מאיזה משפחה אתה א"ל ממשפחה פלונית אני אמר ליה כלום נשתייר מאותה משפחה א"ל לאו חוץ ממני א"ל אם אני מלמדך דבר שאתה חי בו אתה למד א"ל הן א"ל אמור בכל יום שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד אמר לו (דף סד) (עמוס ו) הס כי לא להזכיר בשם ה' שלא למדוהו אביו ואמו מיד הוציא יראתו מהיקו

מהדר מלכי כלו' את אדוניו: לעשות לו כן. לשורפו כאש כמו הספרוים: סלמנדרא. חיה קטנה שיוצאה מתנור שהאש בוערה בו שבע שנים והסך מדמה אין האור שולט בו ונאהז מינו [כתוב] גם את בנו העביר באש ולא מינו לו כן אלא הזקיהו: אלא להתיר להם עריות בפרהסיא. שהיה יצרן תוקפן על עריות אמרו נפרוק כל עול תורה מעלינו ואל יוכיחונו על העריות אבל ע"ז לא תקפן יצרם: כזכור בניהם מזבחותם. משמע שהי' להם געגועין עליהם כאדם שיש לו געגועין על בנו וכזוכרו נאמת והכי משמע כזכור בניהם דומה להם זכירת מזבחותם ואשריהם: בתר דאביקו ביה. אחר שנקשרו בה מעלמן תקפה תיבתן עליהם: תפוחי רעב. כמו נפוחי: הס. שתוק כמו ויהס כלב השתיקם:

בַּעל הַבַּיִת). דֶעם פֶערְד רוּפְט מֶען עֶנְמֶךְ. וַוייל עֶר עֶנְפֶערְט דֶעם בַּעל הַבַּיִת אִין דֶער מִלְחָמָה. עֶר רֶעטֶעט דֶעם בַּעל הַבַּיִת אִין דֶער מִלְחָמָה וַוען אִיז דֶער טַייטְשׁ עֶנְפֶערִין. אַזוֹי וִויא נַ־עֶן. מֶלֶךְ מֵיינְט מֶען דֶעם בַּעל הַבַּיִת). דֶער פָאטֶער פוּן חִזְקִיָהוּ הָט אוֹיךְ גִיוָואלְט אַזוֹי טָאהן. עֶר הָאט גִיוָואלְט פַאר בְּרֶענֶען זַיין זוהן חִזְקִיָהוּ צוּ דִיא גָאטֶער. נָאר דִיא מוּטֶער הָאט אִים בַּשְׁמִירְט מִיט סַלְמַנְדְרַא אִיז עֶר נִיט פַאר בְּרֶענְט גִיוָוארִין (אַז מֶען בְּרֶענְט פַייעֶר אִין אַהוֹיבִין זִיבֶּען יָאהר אָן אַאוֹיפְהֶערוּנְג גֵייט אַרוֹיס פוּן דֶעם פַייעֶר אַקְלֵיינֶע חַיָה זִיא הֵייסְט סַלְמַנְדְרַא. אוּנ אַז מֶען בַּשְׁמִירְט אַזַאךְ מִיט דֶעם בְּלוּט פוּן דִיא חַיָה וֶוערְט דִיא זַאךְ נִיט פַאר בְּרֶענְט). רַב יְהוּדָה הָאט גִזָאגְט פוּן רַבְס וֶועגִין דִיא יוּדִין הָאבֶּען גֶעוואוּסְט אַז דִיא עֲבוֹדָה זָרָה אִיז גָאר נִישְׁט. זֵייא הָאבֶּען נָאר גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה וַוייל זֵייא הָאבֶּען גִיוָואלְט מְזַנֶה זַיין. הָאבֶּען זֵייא מוֹרָא גִיהַאט דִיא נְבִיאִים וֶועלִין זֵייא שְׁטְרָאפִין פַאר וָואס זֵייא זֶענֶען מְזַנֶה. דְרִיבֶּער הָאבִּין זֵייא אַרָאפּ גִיוָוארְפֶען פוּן זִיךְ דִיא גַאנְצֶע יוּדִישְׁקֵייט. רַב מְשַׁרְשְׁיָא הָאט גִיפְרֶעגְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַזוֹי וִויא זֵייא הָאבֶּען גִידֵיינְקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער. אַזוֹי הָאבֶּען זֵייא גִידֵיינְקְט זֵייעֶרֶע מִזְבְּחוֹת וָואס זֵייא הָאבֶּען גִימַאכְט צוּא דִיא עֲבוֹדָה זָרָה. הָאט רַבִּי אֶלְעָזָר גִזָאגְט אַזוֹי וִויא אַמֶענְטְשׁ וָואס בֵּיינְגְט נָאךְ זַיין זוהן. אַזוֹי הָאבֶּען זֵייא גִיבֵּיינְגְט צוּ דִיא עֲבוֹדָה זָרָה. וֶועהן מִיר דָאךְ אַז זֵייא הָאבֶּען גִיהַאלְטֶען דִיא עֲבוֹדָה זָרָה פַאר אַגָאט. עֶנְפֶערְט דִיא גְמָרָא אִין אָנְהֵייבּ הָאבֶּען זֵייא נִיט גִימֵיינְט דִיא עֲבוֹדָה זָרָה. נָאר זֵייא הָאבֶּען גִימֵיינְט זְנוּת. נָאר דֶער נָאךְ וִוי זֵייא הָאבֶּען זִיךְ שׁוֹין בַּהֶעפְט צוּ דִיא עֲבוֹדָה זָרָה. הָאבֶּען זֵייא אִיר שׁוֹין לִיב גִיהַאט. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִיךְ וֶועל גֶעבִּין אַייעֶרֶע פְּגָרִים אוֹיף דִיא טוֹיטֶע עֲבוֹדָה זָרוֹת. מֶען הָאט גִזָאגְט אֵלִיָהוּ הַצַדִיק פְלֶעגְט אַרוּם גֵיין אִין יְרוּשָׁלַיִם צוּ דִיא אַלֶע מֶענְטְשִׁין וָואס זֶענֶען גִיוֶועזֶען גִישְׁוָואלִין פוּן הוּנְגֶער. אוּנ עֶר פְלֶעגְט זֵייא דֶער נֶ עְרִין. אַמָאהל הָאט עֶר גִיטְרָאפֶען אַגִישְׁוָואלִין קִינְד לִיגְט אוֹיף דֶעם מִיסְט. הָאט אֵלִיָהוּ גִזָאגְט צוּם קִינְד פוּן וֶועלְכֶע מִשְׁפָּחָה בִּיסְטוּ. הָאט דֶער קִינְד גִזָאגְט אִיךְ בִּין פוּן דִיא מִשְׁפָּחָה. הָאט אֵלִיָהוּ גִיזָאגְט צוּם קִינְד עֶס אִיז וֶוער גֶעבְּלִיבֶּען פוּן דִיא מִשְׁפָּחָה. הָאט דֶער קִינְד גִזָאגְט עֶס אִיז קֵיינֶער נִיט גֶעבְּלִיבֶּן נָאר אִיךְ אַלֵיין. הָאט אֵלִיָהוּ גִזָאגְט צוּם קִינְד אוֹיבּ אִיךְ וֶועל מִיט דִיר לֶערְנֶען אַזוֹי אַזַאךְ ווס דוּא וֶועסְט לֶעבִּין דוּרְךְ דֶעם. וֶועסְטוּ וֶועלִין לֶערְנֶען. הָאט דֶער קִינְד גִזָאגְט יָא. הָאט אֵלִיָהוּ גִזָאגְט צוּם קִינְד זָאג אַלֶע טָאג שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹהֵינוּ ה' אֶחָד. הָאט דָאס קִינְד גִיזָאגְט צוּא אֵלִיָהוּ שְׁטִיל מֶען טָאר נִיט דֶער מַאנֶען דֶעם נָאמֶען פוּן גָאט. ווארוּם מַיין פָאטֶער אוּנ מוּטֶער הָאבִּען מִיךְ דָאס נִיט גִילֶערְנְט. בַּאלְד נָאךְ דִיא רֵייד הָאט דָאס קִינְד אַרוֹיס גִינוּמֶען זַיין גָאט

מחיקו ומנשקה ומחבקה על שנבקעה כריסו ונפל יראתו [לארץ] ונפל הוא עליה לקיים מה שנאמר ונתתי את פגריכם על פגרי גלוליכם בתר דאביקו ביה ת"ש (נחמיה ט) ויזעקו בקול גדול אל ה' אלהיהם מאי אמור א"ר יהודה ואי תימא רבי (יוחנן) [יונתן] ביא ביא היינו דאחרביה לביתא וקליא להיכלא וקטלינהו לצדיקיא ואגלינהו לישראל מארעייהו ועדיין הוא מרקד בינן כלום יהבתיה לן אלא לקבולי אג"א לא איהו בעינן ולא אגריה בעינן (בתר דאביקו ביה) וכו' עד בקרובתי' אמר רב יהודה אמר רב מעשה בנכרית אחת שהיתה חולה ביותר אמרה אם תעמוד ההיא אשה מחליה תלך ותעבוד לכל עבודה זרה שבעולם עמדה ועבדה לכל ע"ז שבעולם כיון שהגיעה לפעור שאלה לכומרים במה עובדים לזו אמרו לה אוכלין תרדין ושותין שכר ומתריזין בפניה אמרה מוטב שתחזור ההיא אשה לחליה ולא תעבוד עבודה זרה בכך אתם בית ישראל אינם כן (במדבר כה) הנצמדים לבעל פעור כצמיד פתיל (דברים ד) ואתם הדבקים בה' אלהיכם כב'

ויזעקו. בני ישראל: בקול גדול. באנשי כנסת הגדולה כתיב: ביא. בלשון ארמי כמו לשון גמא ונעקה כמו אהה בלה"ק: היינו דאחרביה לביתיה. למקדשו: לקבולי ביה אגרא. לכוף את יצרו ולקבל שכר על כך: לא איהו בעינן וכו'. אלנוא יצר הקטן: תרדין. בלד"ב בלע"ז ומבלבלין את המעים וכן שכר הדש: אתם בית ישראל אינן כן. רב יהודה קאמר לה למדרשיה לקרא: הנצמדים לבעל פעור. כלו' אבל אבותם לא השיבו זאת על לבב שע"ז מגונה היא מכל ע"ז שבעולם ונצמדו ואדבקו בה כצמיד פתיל המוקף על פי כלי שמצמרחין אותו בטעוה יפה ואצל המקום ב"ה לא נצמדים אלא דבוק

פון שוים אונ האט אים ארום גינומען אונ גיקושט ביז זיין בויך איז צו שפאלטין גיווארין אונ דער גאט זיינער איז אראפ גיפאלען אויף דיא ערד אונ ער איז ארויף גיפאלען אויף דעם גאט אונ איז גישטארבן. צו מקיים זיין דעם פסוק איך וועל געבין אייערע טויטע קערפערם אויף אייערע טויטע עבודה זרות. זעהן מיר דאך אז דיא יודין האבען שטארק גיגלויבט אין דער עבודה זרה. ענפערט דיא גמרא דער נאך וויא זייא האבען זיך שוין בהעפט צוא דיא עבודה זרה. האבען זייא שוין ניגלויבט אין איר. פרעגט דיא גמרא עס שטייט אין פסוק דיא יודין האבען געשריגען מיט אגרויסע שטימע צו זייער גאט. וואס האבען זייא גיזאגט ווען זייא האבען געשריגען האט רב יהודה גזאגט אנדערע זאגין רבי יונתן האט גזאגט. זייא האבען געשריגען ביא ביא. דאס איז דער יצר הרע וואס ער האט חרוב גימאכט דעם בית המקדש אונ ער האט פאר ברענט דעם היכל. אונ ער האט גיהרגת דיא צדיקים. אונ ער האט פאר טריבען דיא יודין פון זייער לאנד. אונ ער טאנצט נאך צווישען אונז: צו וואס האסטו אונז גיגעבין דעם יצר הרע. מיר זאלין אונז שטארקין אויף אים וועלין מיר האבען שכר. מיר ווילען ניט דעם יצר הרע אונ מיר ווילען ניט זיין שכר. זעהן מיר דאך אז דיא יודין האבען גיהאט אשטארקין יצר הרע צו עבודה זרה. ענפערט דיא גמרא דער נאך וויא זייא האבען זיך שוין בהעפט צוא דיא עבודה זרה האבען זייא שוין גיגלויבט אין איר. רב יהודה הט גזאגט פון רבם וועגין עס האט אמאהל גיטראפען אגויה איז גיוועזן שטארק קראנק. האט זיא גיזאגט אויב איך וועל גיזונד ווערין פון מיין קראנקייט וועל איך דינען אלע עבודה זרות וואס עס איז נאר דא אויף דער וועלט: אונ זיא איז גיזונד גיווארין. אונ האט גערינט צו אלע עבודה זרות. וויא זיא איז גיקומען צו דיא עבודה זרה פעור. האט זיא גיפרעגט ביי די כומרים מיט וואס דינט מען צו דיא עבודה זרה. האבען דיא כומרים צו איר גיזאגט. מען עסט תרדין דער נאך טרינקט מען ביר ביז דיא גידערים ווערין לויז עס זאל ארוים גיין פיל צואה. אונ דער מענטש זעצט זיך נעבין דיא עבודה זרה דיא צואה זאל פון אים דארט ארוים גיין: וויא דיא גויה הט דס גיהערט האט זיא גזאגט איך וויל בעסר נאך אמאל קראנק ווערין אונ איך וויל ניט אזוי דינען צוא דיא עבודה זרה. זאגט רב יהודה אבער איר יודין זענט ניט אזוי. איר האט אייך בהעפט צו דיא מיאוסה עבודה זרה בעל פעור אזוי וויא אצודעק איז בהעפט צוא אכלי. אבער אז איר הט אייך בהעפט צו גאט. האט איר אייך ניט אזוי שטארק בהעפט. נאר אזוי וויא צווייא טייטלען וואס ווענען צו גיקלעבט איינער צום אנדערין: אין אברייתא האבען מיר גילערנט עס שטייט אין

כב' תכרות הדבוקות זו בזו במתניתא תנא הנצמדים לבעל פעור כצמיד ע"י אשה ואתם הדבקים בה' אלהוכם דבוקים ממש :

יח משנה הנותן מזרעו למולך אינו חייב עד שימסור למולך ויעביר באש וכו' :

גמ' הגיא אחד למולך ואחד לשאר ע"ז חייב ר"א בר"ש איטר למולך חייב ושלא למולך פטור אמר אביי ר' אלעזר בר"ש ור' חנינא בן אנטיגנוס אמרו דבר אחד ר' אלעזר בר' שמעון הא דאמרן רבי חנינא בן אנטיגנוס דתניא] ר' חנינא בן אנטיגנוס אומר מפני מה תפסה תורה לשון מולך כל שהמליכוהו עליהם ואפילו צרור ואפילו קיסם רבא אמר מולך עראי איכא בינייהו (פס ע"ב) א"ר ינאי אינו חייב עד שימסרנו וכו' אמר רב יהודה אינו חייב עד שיעבירנו דרך העברה היכי

כתמרות. המדובקות בדביקות ואין דבוקות : במתניתא תנא. קשה הוא אצלם דדבוק משמע חבור טפי מצמדי. צמידים אין מחוברין ונמשכין וזזין אילך ואילך דבוק משמע יפה יפה :

[אחד למולך ואחד לשאר ע"ז העביר זרעו חייב דכבר מולך נמי ע"ז הוא ולא איצטריך לאזהורי עלה בהדיא דמהיכא יעבדו (דברים יב) נפקא אלא גומר כך שאם עשה שלא כדרכה חייב : שלא למולך פטור. דמולך דווקא כתיבא שדרכה בכך ולא משום ע"ז אזהיר עליו דהא מהיכא יעבדו נפקא אלא הוא הוא להם והתורה הקפידה על חוק זה בכהילה לפיכך הולך לכהונ] : כל שהמליכוהו עליהם. שקרא שמו מולך : רבא אמר. לא אמרו דבר' [אחד] דמולך עראי איכא בינייהו כגון צרור וקיסם שאינו ראוי לכך וזה לפי שעה המליכוהו עליו [להעביר לו כמו זה לר' אלעזר בר שמעון לא מחייב אלא במולך קבוע וכא : ר' ינאי. לפרושי עד שימסור דמתניתין אתא למימר דהך מסירה למכרתי ע"ז קאמר] : דרך העברה. שלא ביכה מן החוק אלא כדרך

פסוק הנצמדים לבעל פעור . זייא האבען זיך בהעפט צו די עבודה זרה בעל פעור : ניט שטארק בהעפט . נאר אזוי ווי אפינגעריל וואס איז אויף דעם פינגער פון אאשה . מען נעמט אים אראפ פון פינגער אונ מען זעצט אים ארויף אויף דעם פינגער . אבער אז די יודין האבען זיך בהעפט צו גאט . זענען זייא גיוועזן גוט בהעפט :

יח משנה . הנותן . אז ער גיט אקינד פון זיינע קינדער צו דער עבודה זרה מולך . איז ער אנדערש ניט חייב סיידין ער זאל געבין דאס קינד צו דיא כומרים . אונ דער כומר גיט צוריק דאס קינד צום פאטער אונ דער פאטער אליין זאל פירען דאס קינד בייא דעם פייער וואס איז אן גיצונדען גיווארין צוא דיא עבודה זרה מולך . זאגט דיא גמרא מיר האבין גילערונט סיי ער פירט דאס קינד צו דיא עבודה זרה מולך . אונ סיי צו איין אנדער עבודה זרה . קומט איהם אלץ מיתה . רבי אליעזר ברבי שמעון זאגט אז ער פירט דאס קינד צו דיא עבודה זרה מולך קומט איהם מיתה . אבער אז ער פירט דאס קינד צו איין אנדער עבודה זרה . ניט צו מולך . קומט איהם ניט קיין מיתה . אביי האט גיזאגט רבי אלעזר ברבי שמעון אונ רבי חנינא בן אנטיגנוס האבין גיזאגט איין זאך . רבי אלעזר ברבי שמעון אזוי וויא מיר האבין פריער גיזאגט . אונ רבי חנינא בן אנטיגנוס אזוי וויא מיר האבין גילערונט . רבי חנינא בן אנטיגנוס זאגט פאר וואס האט דיא תורה ניט גירופין דיא עבודה זרה מיט איהר נאמען . נאר זיא רופט איהר מולך . צו לערנען אונז וועלכע עבודה זרה דיא גוים האבין איהר גימאכט קיניגען אויף זיך אפילו אשפענדיל אשטיקול האלץ אונ זייא רופען איהר מולך אז ער פירט זיין קינד צו דעם מולך . קומט איהם אויך מיתה . אבער צו דיא עבודה זרה וואס מען רופט איר ניט מולך . איז מען פטור . רבא זאגט רבי אלעזר אונ רבי חנינא זאגין ניט איין זאך . רבי אלעזר ברבי שמעון זאגט דיא וואס איז אשטענדיגע עבודה זרה אונ מען רופט איהר מולך . אז אפאטער פירט צוא איהר זיין קינד קומט איהם מיתה . אבער אז דאס איז ניט אשטענדיגע ועבודה זרה אונ עס פאסט גאר ניט דאס זאל זיין אעבודה זרה . נאר דיא כנענים האבין דאס איצט גימאכט פאר אעבודה זרה אונ ער פירט צו איהר זיין קינד קומט איהם ניט מיתה , אונ רבי חנינא בן אנטיגנוס זאגט אפילו ער פירט זיין קינד צו אזוי אעבודה זרה קומט איהם אויך מיתה . רבי ינאי זאגט עס קומט איהם אנדערש ניט קיין מיתה סיידין ער גיט דאס קינד צו די כומרים פון דיא עבודה זרה מולך . רבי יהודה זאגט עס קומט איהם אנדערש ניט קיין מיתה

היכי דמי אמר אביי שרגא דלבני במיצעי נורא מהאי גיסא ונורא מהאי גיסא רבא אמר כמשוורתא דפוריא:

יט א"ר יוסי בר חנינא ג' כריתות בע"ז למה א' לכדרכה ואחד לשלא כדרכה ואחד למולך

תניא (במדבר טו) הכרת תכרת הכרת בעה"ז תכרת לעה"ב דברי ר"ע א"ל ר' ישמעאל והלא כבר נאמר ונכרתה וכי ג' עולמים יש אלא ונכרתה בעה"ז הכרת לעה"ב תכרת דברה תורה כלשון בני אדם:

(דף סה) **כ** מתני' בעל אוב זה פיתום המדבר משחיו וידעוני זה המדבר בפיו הרי אלו בסקילה

מנהג העברה למולך: שרגא דלבני. שורת לבנים גבוה לבנה ע"ג לבנה והאש מכאן ומכאן ומעבירו עליו והיא שורה מדקתני לקמן המעביר שלא פטור אלמא לאחר העברה הוא חי והא דאמרינן גבי חזקיה שסכתו אמו בסלמנדרא לאו למולך היה אלא לאלהי הפגרים דהתם שריפה כתיב: רבא אמר כמשוורתא דפוריא. אינו מעבירו ברגליו אלא קופץ ברגליו כדרך שהתינוקות קופצין בימי הפורים שהיתה חפירה בארץ והאש בוער בו והוא קופץ מצפה לצפה:

ג' כריתות בע"ז. תרתי גבי מולך בקדושים תהיו ואני אתן את פני באיש ההוא והכרתי אותו מקרב עמו ושמתי אני את פני באיש ההוא ובמשפחתו והכרתי אותו ואת כל הזונים אחריו וגו' (ושמתי אני את פני וגו' א"נ) [ואי נמי] דס"ל דמולך לאו ע"ז הוא מ"מ קרי ליה ע"ז והשלישי בשלח לך אנשים כי דבר ה' בזה ואת מצותו הפר הכרת תכרת הנפש ההיא וגו' ותניא לקמן באלו שאין להם חלק לעוה"ב דבר ה' בזה זה דבור ראשון שנאמר בסיני והוא ע"ז והא דכתיב הכרת תכרת חדא חשיב ליה כדמפרש לקמן דברה תורה כלשון בני אדם את ה' הוא מגדף ונכרתה לקמן מפרש: א' שלא כדרכה. כרת יתירה גבי מולך אם אינו ענין לו תנהו ענין לזובח וקטור ונסוך והשתחואה שהוא חייב לו עליהם אף שלא כדרכה: ואחד למולך. דאע"פ שדרכו בכך מיבעי ליה למיכתביה באפי נפשיה דמולך לאו ע"ז הוא והקפידה תורה עליו: וכי ג' עולמות יש כו' ודומה לו בשחיטת חולין וכו' [טעמא דנפשיה קאמר]:

פיתום. שם המכשף: המדבר משחיו. מעלה את המת מן הארץ ומושיבו בשחיו תחת זרועותיו ומדבר משחי איישל"ה בלע"ז: ידעוני המדבר בפיו. כדמפרש בגמ' חיה אחת יש ששמה ידוע ומכניס ממנה עצם לתוך פיו והעצם מדבר מאליו

על

פירין ער פירט דאס קינד צו דיא עבודה זרה מולך אזוי ויא אלע וואס דינען איהר פירען זייערע קינדער. אזוי ויא עס איז אויס גיזעצט פון דיא כומרים וויא דאס פירען זאל זיין. אבער אז ער האט געענדערט פון דעם מנהג קומט איהם ניט קיין מיתה. וואס איז גיוועזן דער מנהג. אביי זאגט עס איז גיוועזן אוואנט פון ציגול. פון דער וייט וואנט איז גיוועזן אפייער. אונ פון דער זייט וואנט איז גיוועזן אפייער. אונ דעם קינד האט מען געפירט אויף דער וואנט צווישען ביידע פייערין. רבא זאגט ער איז גישפרונגען אזוי ווי דיא קינדער שפרינגען אום פורים. עס איז גיוועזן אגרוב אין דיא ערד. אין גרוב איז גילעגין אפייער; אונ דאס קינד איז אריבער גישפרונגען איבער דעם גרוב:

יט אמר. רבי יוסי בר חנינא האט גיזאגט ביי עבודה זרה שטייט דרייא מאהל כרת. איין מאהל כרת קומט אז מען דינט דיא עבודה זרה מיט וואס דיא כומרים האבין אויס גיזעצט מען זאל איהר דינען. אונ דאס אנדערע קומט כרת אז מען דינט דיא עבודה זרה אפילו מיט אזוי אזאך וואס עס איז ניט דער שטייגער איהר צו דינען. אונ דאס דריטע קומט כרת אז אפאטער פירט זיין קינד צו דיא עבודה זרה מולך. זאגט דיא גמרא מיר האבין גילערנט עס שטייט אין פסוק הכרת תכרת. פארשניטען זאל זיא פארשניטען ווערין. צו וואס שטייט צוויי מאהל דער ווארט פארשניטען. צו זאגין אונז זיא וועט פארשניטען ווערין פון דער וועלט. אונ זיא וועט פארשניטען ווערין פון יענע וועלט אזוי זאגט רבי עקיבא. האט רבי ישמעאל גיזאגט צו רבי עקיבא עס שטייט דאך אין פסוק ונכרתה. זיא זאל פארשניטען ווערין. איז דען דא דריי וועלטין. נאר אזוי לערנין. ונכרתה. זי וועט פארשניטען ווערין פון דער וועלט. הכרת. זיא וועט פארשניטען ווערין פון יענע וועלט. תכרת. זיא וועט פארשניטען ווערין קומט ניט צו דרשנן. ווארום דיא תורה רעט אזוי ויא מענטשין ריידין. צוויי מאהל איין ווארט אזוי ווי מענטשין ריידין. צו פארשטארקין דיא זאך:

כ משנה. בעל. אז מען מאכט כישוף מיט אוב. דאס מיינט מען אזוי וויא דער מכשף פיתום האט גיטאהן. ער האט גינומען אקאפ פון אמת. דער נאך וויא דיא פלייש פון קאפ איז פאר פוילט גיווארין. אונ עס איז נאר געבליבען דיא ביינער אונ ער האט גירייכערט צום קאפ מיט אועלכע קרייטער. אונ ער האט גיפרעגט ביי דעם קאפ וואס ער האט גיוואלט. אונ דיא קאפ האט גיענפערט. אנדערע ריידן פון אונטערין ארעם. דאס מיינט מען ער נעמט

בסקילה והנשאל בהם באזהרה:

(שם ע"ג) **כא** ת"ר בעל אוב זה המדבר בין הפרקים ובין אצילי ידיו ידעוני זה המניח עצם ידוע בפיו והוא מדבר מאליו מיתיבי (ישעיה כט) והיה כאוב מארץ קולך מאי לאו דמשתעי (באורחיה) [כי אורחיה] לא דסליק ויתיב בין הפרקים ומשתעי ת"ש (ש"א כח) ותאמר האשה אל שאול אלהים ראיתי עולים מן הארץ מאי לאו דמשתעי כי אורחיה לא דיתיב בין הפרקים ומשתעי:

כב ואף שאלה זו שאל טורנוסרופוס את ר"ע א"ל מה יום מיומים א"ל ומה גבר בגוברין א"ל דמרי צבי שבת נמי דמרי צבי אמר ליה הכי קאמינא

על ידי כשפים: הרי אלו בסקילה. כדכתיב באבן ירגמו אותם: והנשאל בהם. שבא ושואל בהם להגיד לו דבר העתיד כגון שאול: באזהרה. דאל תפנו אל האובות ואזהרה דמכשפים גופייהו מלא ימצא בך וגו' וחובר חבר ושואל אוב או ידעוני: מבין הפרקים. מעלה את המת ויושב לו באחד מבין פרקי העצמות של מכשף כגון על פרקי אצבעותיו או על [פרקי] ברכיו: ידוע. שם חיה: כי אורחיה. מתוך קברו ומתוך כך קולו נמוך: לא דסליק ויתיב בין הפרקים. ומיהו קולו נמוך לפי שאין בו חיותא:

מה יום מיומים. למה תתחשב יום שבת יותר מבשאר ימים: ומה גבר מגוברין. מה לאיש כמוך להיות שר וגדול מכל האנשים: דמרי צבי. אדוני חפץ בגדולתי המלך קיסר המגדלני: שבת נמי דמרי צבי.

ארויס אמת פון קבר. אונ נעמט אים אונטערין ארעם. אונ דער מת ענטפערט פון אונטערין ארעם וואס מען פרעגט ביי אים. ידעוני מיינט מען אזוי אחיה וואס איר נאמען איז ידוע. דיא היה זעהט אויס וויא אמענטש מיט דעם פנים אונ מיט דיא הענט אונ מיט דיא פיס; נאר פון דיא ערד איז ארויס גיוואקסען אזוי וויא אלאנגער שטריק: אונ דער שטריק איז בהעפט צו איר נאפיל. אונ מען קען ניט צו גיין צו דיא חיה ווייל זיא ווארפט איר גיפט אויף דעם מענטש אונ פאר ברענט אים. אונ אז מען וויל איר פאנגען שיסט מען מיט פיילין אין דעם שטריק. ביז דער שטריק ווערט צוריסען. פייגערט זיא באלד. אונ אז מען נעמט אריין אין מויל א ביינדיל פון דיא חיה. דורך כישוף רעט דער ביינדיל. אונ ענטפערט וואס מען פרעגט ביא אים. דיא מענטשין וואס טוהען דיא כישוף קומט זייא צוא פאר שטיינען אונ דער וואס פרעגט ביא דעם מכשף ער זאל איהם זאגין וואס עס וועט זיין. איז ער עובר אויף א לאו:

כא תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט בעל אוב מיינט מען ער נעמט אמת אונ ער האלט אים צווישען זיינע גלידער אונ צווישען עלינבויגען. אונ דער מת רעט אונ ענטפערט וואס מען פרעגט אים. ידעוני איז אחיה וואס הייסט ידוע. אונ אז דיא חיה פייגערט נעמט ער פון איר אביינדיל אונ לייגט אים אריין אין מויל אונ ער רעט פון זיך אליין. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק אונ דיין קול וועט זיין אזוי שטיל אזוי וויא דער קול פון דעם אוב וואס גייט פון דער ערד; זעהן מיר דאך אז דער מת רעט פון דער ערד פון זיין קבר. זאגט דיא גמרא ניין ניט אזוי איז. מען נעמט ארויס דעם מת פון קבר אונ מען האלט אים צווישען די גלידער אונ ער רעט. נאר ווייל ער איז טויט דריבער איז זיין רייען גאנץ שטיל אזוי וויא ער וואלט גירעט פון דער ערד. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק דיא אשה וואס האט גימאכט כישוף מיט אוב הט גזאגט צו שאול אגעטליכען מענטש האב איך גיזעהן ארויף גיין פו דער ערד. געוויס הט שמואל גירעט מיט שאול פון זיין קבר. זאגט דיא גמרא ניין דיא אשה האט ארויף גיבראכט שמואלן פון זיין קבר אונ האט אים גיהאלטען צווישען די גלידער אונ ער הט גירעט צו שאול:

כב ואף. אונ דיא שאלה האט אויך גיפרעגט טורנוסרופוס ביי רבי עקיבא: פר וואס איז דער טאג (שבת) ביי אייך בעסער פון אלע טעג. האט רבי עקיבא גזאגט צוא טורנוסרופוס מיט וואס ביסטו בעסער פון אלע מענטשין אז דוא זאלסט זיין דער גרעסטער שר. האט טורנוסרופוס גזאגט ווייל מיין האר דער קיסר הט גיוואלט מיך גרויס מאכען. הט רבי עקיבא גזאגט שבת איז אויך אזוי גאט האט גיוואלט דעם טאג גרויס מאכען האט ער אונז גיבאטין מיר זאלין געבין כבוד צו דעם טאג. האט טורנוסרופוס גזאגט צו רבי עקיבא אזוי פרעג איך ביי

קאמינא לך מי יימר דהאידנא שבת א"ל נהר סמבטיון יוכיח בעל אוב יוכיח קברו של אביו יוכיח שאינו מעלה עשן בשבת א"ל בזיתו ביישתו וקללתו:

כג תניא (דברים יח) ודורש אל המתים זה המרעיב עצמו והולך ולן בבית הקברות כדי שתשרה עליו רוח טומאה וכשהיה ר"ע מגיע למקרא זה היה בוכה ומה המרעיב עצמו כדי שתשרה עליו רוח טומאה שורה עליו רוח טומאה המרעיב עצמו כדי שתשרה עליו רוח טהרה עאכ"ו אבל מה אעשה שעונותינו גרמו לנו שנא' (ישעיה נט) כי אם עונותיכם היו מבדילים ביניכם לבין אלהיכם אמר רבא אי בעו צדיקי ברו עלמא שנאמר עונותיכם היו מבדילים רבא ברא גברא שדריה לקמיה דר' זירא הוה קא משתעי בהדיה ולא הוה קא מהדר ליה א"ל מן חבריא את הדר לעפרך ר' חנינא ורבי הושעיא הוו יתבי כל מעלי שבתא

הקב"ה הפך והזהיר על כבודו: מי יימר דהאידנא שבתא היא. ודילמא אחד משאר ימים הוא שבת: נהר סמבטיון יוכיח. נהר אחד של אבנים ובכל ימות השבוע שוטף והולך וביום השבת שוקט ונח: בעל אוב יוכיח. שאינו עולה בשבת: קברו של אביו. דטורנוסרופוס כל ימות השבת היה מעלה עשן שהיה נידון ונשרף ובשבת פושעי גיהנם שובתין: בזיתו ביישתו קללתו. הך קללה אינה אלא גדוף כמו קללה נמרצת שלא היה שם קללה אלא גדוף: שתשרה רוח טומאה עליו. שד של בית הקברות יהא אוהבו ומסייעו בכשפיו: המרעיב עצמו כדי שתשרה עליו רוח טהרה. בכינה ונבואה: עאכ"ו. שהרא המדה נותנה שע"י התענית ובקשה תשרה עליו שכינה דהא מדה טובה יתירה על מדת פורענות ואני צועקין על כך ואין אנו נענין אבל מה אעשה כו': אי בעו צדיקי. להיות נקיים מכל עון: הוו ברו עלמא שנא' כי אם עונותיכם היו מבדילים. הא אם לא היו בהם עונות אין כאן הבדלה: ברא גברא. ע"י ספר יצירה (שמלמד) [שלמדו] צירוף אותיות של שם: ולא הוה מהדר ליה. שלא היה בו דבור: מן חבריא. מן

דיר פון וואנען ווייסט איר אז דער טאג איז שבת. טאמער האט גאט גירוהט אין איין אנדער טאג פון דער וואך. האט רבי עקיבא גזאגט דאס קענסטו וויסען פון דעם טייך סמבטיון [אגאנצע וואך פלייצט דער טייך אונ ווארפט שטיינער. אונ דעם טאג שבת רוהט ער]. דער כישוף מאכער אוב וועט דיר אויך זאגין אז דער טאג איז שבת. אגאנצע וואך קען ער מאכען זיינע כישוף אונ שבת ניט: דער קבר פון דיין פאטער וועט דיר אויך זאגין אז דער טאג איז שבת. ווארום אגאנצע וואך גייט ארויס ארויך פון דיין פאטערס קבר, ווייל מען ברענט אים. אונ שבת גייט ניט קיין רויך. ווייל שבת רוהען אלע אפילו דיא רשעים אין גיהנם אויך. האט טורנוסרופוס גיזאגט צו רבי עקיבא מיט דיינע דריי ראיות [בעווייזונגען] האסטו מיך דריי מאל פר שעמט:

כג תניא. מיר האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק ער פארשט צו די מתים. דאס מיינט מען דער וואס הונגערט זיך [ער פאסט] אונ ער נעכטיגט אויף דעם בית הקברות. ער זאל ווערין טמא. אונ די רשעים פון בית הקברות זאלין אים העלפין צו זיינע כישוף. אונ אז רבי עקיבא איז גיקומען צו דעם פסוק הט ער גיוויינט. מאדאך דער וואס הונגערט זיך [ער פאסט] עס זאל אויף אים רוהען די טומאה. העלפט אים זיין פאסטען אונ דיא טומאה רוהט אויף איהם. דער וואס הונגערט זיך [ער פאסט] עס זאל אויף איהם רוהען די שכינה אונ דיא נבואה ער זאל הייליג ווערין. וואלט אים געווים גידארפט העלפין זיין פאסטען די שכינה זאל אויף אים רוהען. וואס זאל איך אבער טאהן אונזערע זינד לאזין ניט אונזער פאסטען זאל העלפין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אייערע זינד מאכען אצווישען שייד צווישען אייך אונ אייער גאט. רבא זאגט אז די צדיקים וואלטין וועלין זיין ריין פון עבירות וואלטין זייא קענען בשאפען וועלטין. ווארום עס שטייט אין פסוק אייערע זינד מאכען אצווישען שייד צווישען אייך אונ אייער גאט. אבער ווען ניט דיא זינד וואלטין זייא גיוועזן גלייך צו גאט. רבא האט אמאהל בשאפען אמענטש האט ער אים געשיקט צו רבי זירא. הט רבי זירא גירעט צוא דעם מענטש אונ ער הט אים ניט גיענפערט. ווארום ריידן האט ער ניט גיקענט. ער איז גיוועזן אזוי וויא אבהמה. הט רבי זירא גזאגט צום מענטש דו ביסט פון אונזערע חברים. איינער פון אונזערע חברים הט דיך געווים בשאפען. גיי צוריק צו דיין ערד. רבי חנינא אונ רבי הושעיא פלעגין זיצען אלע ערב שבת אונ פלעגין לערנען דעם ספר יצירה פלעגט בשאפען ווערין פון

שבתא ועסקו בספר יצירה ומיברא להו עגלא תלתא ואכלו ליה :

כד **ת"ר** מעונן ר"ש אומר זה המעביר ז' מיני זכור על העין וחכ"א זה האוחז את העינים ר"ע אומר זה המחשב עתים ושעות ואומר היום יפה לצאת למחר יפה ליקח וכו'. ת"ר מנחש זה האומר פתו נפלה מפיו מקלו נפלה מידו בנו קורא לו מאחריו עורב קורא לו צבי הפסיקו בדרך נחש מימינו ושועל משמאלו (דף סו) אל תתחיל בי שחרית הוא ר"ח הוא מוצאי שבת הוא ת"ר לא תנחשו כגון אלו המנחשים בחולדה בעופות בדגים ובכוכבים :

כה **ת"ר** מכשפה אחד האיש ואחד האשה א"כ מה ת"ל (שמות כב) מכשפה (לא תחיה) מפני שרוב

פירוש

בנילרים ע"י ההבר"כ אחה : עגלא תלתא . גדול כאילו הגיע לשליש בניו וגמר גדילתו דהכי שביח ומעלי למיכל כמו ומגדלין אותו עד שיהו מבולשין ל"א שהיה טוב בעל טעם כאילו היה שלישי לבטן : ז' מיני זכור . שכבת זרע מז' בריות ומעביר על עיניו ועושה כשפים : אוחז את העינים . אוחז וסוגר עיני הבריות ומראה להם כאילו עושה דברים של פלא והוא אינו עושה כלום : המחשב עתים ושעות . כגון מטוק כמו בעל עונות שמבחין את עונה והאומר היום יפה לצאת לדרך ויצליח ומחר יפה ליקח מקח ויסתכר בו הלוקחו : פתו נפלה מפיו . צריך להזיק היום מהיזק : נחש בא לו מימינו או שועל משמאלו . סימן רע הוא לו : צבי הפסיקו . שהוא הולך ממזרח למערב והצבי הולך מצפון לדרום והפסיק דרכו : אל תתחיל בי . כשבא הגבאי לגבות מס ממנו או המוכס אומר לו בבקשה ממך אל תתחיל בי להיות ראשון בדבר הפסד בסימן רע הוא לו : שחרית הוא . שהיה הוגע ממנו הוב א"ל שחרית הוא ולא אתחיל תחלת מעשה היום בפרעון : ר"ח הוא . כמתן לי עד מחר : מוצאי שבת הוא . ראשון לימי השבוע : המנחשים . כשיוצאין לדרך (הם מנחשים) [או כשמתחילין] בשום דבר : אחד האיש ואחד האשה . דהא גבי אוב וידעוני דמכשפים הם לא חלק בין איש לאשה דכתיב איש

זייערט וועגן אגרויסע קאלב . אונ זיי פלעגן עסן די קאלב אום שבת :

כד תנו רבנן . די רבנן האבען גילערנט ווס איז מעונן . רבי שמעון זאגט דער וואס נעמט זיבען ערליי שכבת זרע פון זיבען ערליי בשעפענונג . אונ מיט די שכבת זרע בשמירט ער די אויגען . אונ דאס העלפט אים צו זיינע כישוף . אונ דיא חכמים זאגין דאס מיינט מען דער וואס פאר בלענדט די אויגען . ער ווייזט פר אלע מענטשין אז ער טוהט וואונדערליכע זאכען . אונ ער טוהט גאר ניט . רבי עקיבא זאגט מעונן מיינט מען דער וואס רעכונט דיא צייטען . למשל ער זאגט היינט איז גוט ארויס צו גיין אין וועג . מארגין איז גוט צוא קויפען סחורה . אונ נאך אזעלכע זאכען . דיא רבנן האבען גילערנט מנחש . ער פרובט . דאס מיינט מען ער זאגט היינט איז ארויס גיפאלען אשטיקול ברויט פון מיין מויל . וועל איך היינטיגען טאג געווים האבען אשאדין אדער ער זאגט מיין שטעקין איז ארויס גיפאלען פון מיין האנט : דס איז אשלעכטער סימן . אדער ער זאגט מיין זוהן רופט מיך פון הינטען . איז אשלעכטער סימן . אדער ער זאגט אקראה רופט אים . איז אשלעכטער סימן אדער ער זאגט אהירש איז אים איבער גיגאנגען דיא וועג ; למשל ער איז גיגאנגען פון מזרח צו מערב אונ דער הירש איז אריבער גיגאנגען די וועג פון צפון צו דרום . איז אשלעכטער סימן . אדער ער זאגט אשלאנג איז גיגאנגען ביי מיין רעכטע זייט . אדער אפוקס איז גיגאנגען ביי מיין לינקע זייט . איז דאס אשלעכטער סימן . אדער איינער איז גיקומען צו זיין חבר נעמען געלט [אויף אנדבה אדער אויף אנדערע זאכען] . בעט ער אים זאלסט ניט אנהייבין פון מיר . איך וויל ניט זיין דער ערשטער צום געלט געבין . ווארום דאס איז אשלעכטער סימן פאר מיר . אדער ער זאגט איצט איז אין דער פריא . אונ איך וויל ניט אנהייבין דעם טאג מיט געלט געבין . אדער ער זאגט היינט איז ראש חודש . אונ איך וויל ניט אנהייבין דעם חודש מיט געלט געבין אדער ער זאגט איצט איז שבת צו נאכט וויל איך ניט אנהייבין דיא וואך מיט געלט געבין . דאס אלץ טאר מען ניט . דיא רבנן האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק לא תנחשו . איר זאלט ניט פרובין אזוי ווי די מענטשין וואס פרובין מיט קעץ אונ מיט עופות אונ מיט פיש אונ מיט שטערין צו זייא וועלין האבען מזל אין דער זאך וואס זיי גייען טאהן אדער ניין :

כה תנו רבנן . זיא רבנן האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק אמכשפה זאלסטו ניט לאזין לעבין . סיי אמכשף אונ ביי אמכשפה זאלסטו ניט לאזין לעבין . נאר פאר וואס רעדט

שרוב נשים מצויות בכשפים (סס ע"ב) א"ר יוחנן למה נקרא שמם כשפים שמכחישים פמליא של מעלה. (דברים ד) אין עוד מלבדו א"ר חנינא אפילו בדבר כשפים. ההיא אתתא דהוה קא מהדרא למשקל עפרא מתותי כרעיה דר' חנינא אמר לה אי כסתייעת זיל עביד אין עוד מלבדו כתיב איני והא א"ר יוחנן למה נקרא שמם כשפים שמכחישין פמליא של מעלה שאני ר"ה דנפיש זכותיה. א"ר אייבו בר נגרי א"ר חייא בר אבא בלטיהם אלו מעשה שדים בלהטים אלו מעשה כשפים וכה"א (בראשית ג) ואת להט החרב המתהפכת אמר אביי דקפיד אמנא שד דלא קפיד אמנא כשפים אמר אביי הלכות כשפים כהלכות שבת יש מהן בסקילה ויש מהן פטור אבל אסור ויש מהן מותר לכתחלה

העושה

פירוש

היא או חשה: כשפים. מכחישין כחם פמליא של מעלה שאף מי שנגזר לחיות הן ממיתין: אפילו כשפים. אין להם כח לפני גזירותיו שאין ממשלה אלא לו לבדו: מתותי כרעיה. לעשות לו מכשפות: אי מסתייעא. מלתא אי את מצלחת לעשות לו מכשפות עשי: אין עוד מלבדו כתיב. ואם המקום חפץ כי לא תוכלי להרע ואם תוכלי מאתו יבא ואני אסבול ואקבל: נפישא זכותיה. ומסרי נפשי' משמיא להצולי: בלטיהם. כמו והבא בלט בסתר: זה מעשה שדים. שנסתרים ולא נראים בכל מקום שנאמר בלטיהם היו החרטומים עושים בלחשיהם ע"י שדים: כשפים. אינם נעשים ע"י שדים אלא מעצמן: להט החרב המתהפכת גו'. מתהפכת מאליה ודומה לכשפים שלא ע"י שדים היתה מתהפכת אלא מאליה וקרי לה להט: דקפיד אמנא שד. מי שמקפיד על הכלי שאינו יכול לעשות הדבר בלא כלי הראוי לאותו דבר כגון שרי בוהן שצריכין סכין שקתו שחור ושרי כוס שצריכין כוס של זכוכית: דלא קפיד אמנא. אינו חושש באיזה כלי הוא עושה: כהלכות שבת. דמלאכות בסקילה ושבות פטור אבל אסור ואחיזת עינים מותר לכתחלה

שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַמְכַשֵּׁפָה זָאלְסְטוּ נִיט לָאזִין לֶעבִּין ; וַוייל דָאס מֶערְסְטֶע כִּישׁוּף מַאכֶען נָאר ווייבֶּער. רַבִּי יוֹחָנָן זָאגְט פַאר וָואס רוּפְט מֶען דָאס כִּישׁוּף · וַוייל דִיא מַלְאָכִים פוּן הִימֶעל בְּלַייבֶּען לִיגְנֶערְס דוּרְךְ דֶעם כִּישׁוּף. אַז מֶען אִיז גוֹזֵר אִין הִימֶעל אוֹיף אַמֶענְטְשִׁין עֶר זָאל לֶעבִּין ; קֶענֶען דִיא מְכַשְּׁפִים אִים הַרְגֶנֶען. עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ. עֶס אִיז נִיטָא קֵיינֶער אוֹיסֶער גָאט אַלֵיין. רַבִּי חֲנִינָא זָאגְט אֲפִילוּ כִּישׁוּף הֶעלְפְט אוֹיךְ נִיט קֶעגִין גָאט. אַאִשָּׁה הָאט אַמָאל גִיזוּכְט צוּ נֶעמֶען עֶרְד פוּן אוּנְטֶער דִי פִּיס פוּן רַבִּי חֲנִינָא צוּ מַאכֶען כִּישׁוּף אוּנ שְׁלֶעכְטְס טְאהן צוּא רַבִּי חֲנִינָא. הָאט רַבִּי חֲנִינָא גִזָאגְט צוּ דִי אִשָּׁה אוֹיבּ דוּא וֶועסְט כִּיר קֶענֶען טָאהן כִּישׁוּף טוּה. עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עֶס אִיז נִיטָא אוֹיסֶער גָאט ; אוֹיבּ גָאט ווִיל מִיר גוּטְס טְאהן. וֶועסְטוּ מִיר נִיט קֶענֶען שְׁלֶעכְטְס טָאהן. אוּנ אוֹיבּ דוּא וֶועסְט מִיר שְׁלֶעכְטְס טָאהן. אִיז דִיא שְׁלֶעכְטְס נִיט פוּן דִיר נָאר פוּן גָאט. וָואס עֶר הָאט דִיךְ גֶעשִׁיקְט מִיר שְׁלֶעכְטְס צוּ טְאהן. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא רַבִּי יוֹחָנָן הָאט דָאךְ גִיזָאגְט פַאר וָואס רוּפְט מֶען דָאס כִּישׁוּף. וַוייל דִיא מַלְאָכִים פוּן הִימֶעל בְּלַייבֶּען לִיגְנֶערְס דוּרְךְ דֶעם כִּישׁוּף ; אַז מֶען אִיז גוֹזֵר אִין הִימֶעל אוֹיף אַמֶענְטְשִׁין עֶר זָאל לֶעבִּין. קֶענֶען דִיא מְכַשְּׁפִים אִים הַרְגֶנֶען. עֶנְפֶערְט דִיא גְמָרָא רַבִּי חֲנִינָא אִיז אַנְדֶערְשׁ פוּן אַלֶע מֶענְטְשִׁין. זַיין זְכוּת אִיז גְרוֹיס. וֶועט מֶען נִיט לָאזִין פוּן הִימֶעל מֶען זָאל אִים שְׁלֶעכְטְס טְאהן. רַבִּי אַיְיבוּ בַּר נַגְרִי הָאט גִיזָאגְט פוּן רַבִּי חִיָּיא בַּר אַבְּאס וֶועגִין. וואוּ עֶס שְׁטֵייט אִין דֶער תּוֹרָה בְּלָטֵיהֶם. מֵיינְט מֶען דִיא חַרְטוּמִים הָאבֶּען גִיטְאהן זֵייעֶרֶע זַאכֶען דוּרְךְ דִי א שֵׁדִים. וָוארוּם בַּלָּט אִיז דֶער טַייטְשׁ אִין דֶער שְׁטִיל. אוּנ דִיא שֵׁדִים טוּהֶען זֵייעֶרֶע זַאכֶען אִין דֶער שְׁטִיל. קֵיינֶער זָאל נִיט זֶעהֶן. אוּנ וואוּ עֶס שְׁטֵייט בְּלַהֲטֵיהֶם. מֵיינְט מֶען דִיא חַרְטוּמִים הָאבֶּען גִיטְאהן זֵייעֶרֶע זַאכֶען מִיט כִּישׁוּף. אוּנ אַזוֹי שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וְאֵת לַהַט הַחֶרֶב הַמִּתְהַפֶּכֶת. זֶעהְן מִיר דִיא זַאךְ וָואס קֶערְט זִיךְ וֶוערְט גִירוּפֶען לַהַט. אוּנ כִּישׁוּף קֶערְט זִיךְ אוֹיךְ · דִיא זַאךְ וָואס אִיז פְרִיעֶר גִיוֶועןְ לְמָשָׁל אַשְׁטֶעקִין אִיז גִיוָוארִין פוּן דֶעם שְׁטֶעקִין אַשְׁלַאנְג. אַבַּיֵי זָאגְט דֶער וָואס ווִיל' מַאכֶען אַוואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאךְ אוּנ עֶר זָאגְט עֶר קֶען אַנְדֶערְשׁ נִיט מַאכֶען. סַיידִין עֶר כווּ הָאבֶּען אַזוֹי אַכֵּלִי וִויא עֶר פַאר לַאנְגְט. לְמָשָׁל עֶר ווִיל אַמֶעסֶער. אָבֶּער נָאר מִיט אַשְׁוַוארְצֶען שְׁטִיל ; מֵיינְט עֶר צוּ מַאכֶען דוּרְךְ שֵׁדִים. אוּנ דֶער וָואס דַארְף נִיט קֵיין כֵּלִי. אָדֶער עֶר דַארְף אַכֵּלִי. לְמָשָׁל עֶר דַארְף אַמֶעסֶער. אָבֶּער וֶועלְכִין מֶעסֶער מֶען וֶועט אִים גֶעבִּין ; אִיז בַּיי אִים אַלְץ גוּט. מֵיינְט עֶר צוּא מַאכֶען כִּישׁוּף. אַבַּיֵי זָאגְט דִיא דִינִים פוּן כִּישׁוּף זֶענֶען אַזוֹי וִויא דִיא דִינִים פוּן שַׁבָּת. אוֹיף אַנְדֶערֶע זַאכֶען קוּמְט צוּ פַר שְׁטֵיינֶען. אַנְדֶערֶע זַאכֶען טָאר מֶען נִיט טָאהן. פוּן דֶעסְטְוֶועגִין

העושה מעשה בסקילה האוחז את העינים פטור אבל אסור מותר לכתחלה כדרבי חנינא ורבי אושעיא כל מעלי שבתא הוו עסקי בהלכות יצירה ומיברי להו עיגלא תילתא ואכלו ליה אמר רב אשי חזינא ליה לאבוה דקרנא דנפיץ ושדי כריכי דשיראי מנחיריה. (שמות ח) ויאמרו החרטומים אל פרעה אצבע אלהים היא א"ר אליעזר מכאן שאין השד יכול לבראות בריה פחותה מכשעורה רב פפא אמר האלהים אפילו כגמלא נמי לא מצי ברי אלא האי מכניף ליה והאי לא מכניף לי' א"ל רב לרבי חייא לדידי חזי לי ההוא טייעא דשקליה לספסירא וגיידיה לגמלא וטרף ליה בטבלא וקם א"ל לבתר הכי דם ופרתא מי הואי אלא ההיא אחיזת עינים הואי. זעירי איקלע לאלכסנדריא של מצרים זבן חמרא כי מטא לאשקויי מיא פשר קם אגמלא דאסקוניתא

לכתחלה ה"ג העושה מעשה בסקילה: האוחז את העינים. מראה כאילו עושה והוא אינו עושה כלום פטור אבל אסור: עסקי בהלכות יצירה. וממילא איברי להו עגלא תלתא ע"י שהיו מצרפין אותיות השם שבהן נברא העולם ואין כאן משום כשפים דמעשה הקב"ה [הן] ע"י שם קדושה שלו היא: אבוה דקרנא. מכשף היה: דנפיץ. מנפץ חוטמו בכח יבלע"ז מיקיר: ושדי כריכי דשיראי מנחיריה. ומשליך חתיכות של מעילים מנחיריו: אצבע אלהים היא. מכה זו של כנים לא ע"י מכשפות באה אלא ע"פ הקב"ה ואין חרטום יכול לה: לא מצי ברי. אינו יכול לבראות אפילו בריה גדולה אלא כששד לך לבריות גדולות הוא מאסף ומקבץ ומביא מן ההפקר: האי מכניף ליה. בריות גדולות נוחים לקבצם והשדים אניו אבל קטנה אינה נאספת אליו שאין בה כח לבא מרחוק: ה"ג. א"ל רב לרבי חייא. כו' וה"ג איני: טייעא. סוחר ערבי: דשקל ספסירא וגיידיה לגמלא. נטל החרב והרג גמלו לאיברים. גיידיה כמו דאוהו מגוייד פרק בתרא דיבמות: וטריף ליה בטבלא. הקיש לו בזוג היסקלייט"א בלע"ז: וקם. ועמד על רגליו: א"ל. רבי חייא לרב: ובתר הכי דם ופרתא מי הוה. אחר שעמד הגמל כלום נראה לכלוך מן הדם והפרש: ההיא אחיזת עינים הוה. ולא מגוייד היה שאינו יכול להחיות את המת: פשר: נמס המכשפות כל מיני מכשפות נבדקין על מים חיים ונימוחין: קם אגמלא דאסקוניתא. נעשה התמור דף של גשר שעשו תחלה.

אז מען האט גיטאהן איז מען פטור. אונ אנדערע זאכען מעג מען טאהן. דער וואס מאכט כישוף דארף מען אים פאר שטיינען. דער ווס מאכט אפאר בלענדונג איז פטור. פון דעסטוועגין טאר מען ניט מאכען קיין פאר בלענדונג. אונ אזוי וויא רבי חנינא אונ רבי אושעיא האבען גיטאהן מעגין אלע יודין טאהן. ווארום רבי חנינא אונ רבי אושעיא פלעגין אלע ערב שבת לערנען דעם ספר יצירה פרעגט בשאפען ווערין פון זייערטוועגין אגרויסע כאלב אונ זייא פלעגין זיא עסין. רב אשי האט גזאגט איך האב גיזעהן דעם פאטער פון קרנא ער איז גיוועזן אמכשף ער האט אנים גיטאהן פלעגט ער ארויס ווארפען שטיקער זיידינציינג פון זיינע נאז לעבער. עס שטייט אין פסוק דיא חרטומים האבען גיזאגט צו פרעה דיא מכה פון כנים איז ניט פון כישוף נאר דער פינגער פון גאט האט דאס גימאכט. רבי אליעזר זאגט פון ואנען האבען דיא חרטומים גיוואוסט אז דאס איז ניט פון כישוף. וויל אשד קען ניט בשאפען אבשעפעניש וואס איז קלענער וויא אגערשט. רב פפא זאגט איך שווער בייא גאט אפילו אבשעפעניש ווס איז גרויס וויא אקעמיל קענען זיי אויך ניט בשאפען. נאר גרויסע בשעפעניש וואס קענען קומען פון ווייט. קענען דיא שדים זייא פארזאמלען אויף איין ארט. וויא פיל זייא ווילען. אבער קליינע בשעפעניש אזוי וויא כנים: קענען זייא ניט פאר זאמלען. ווארום די כנים האבען ניט קיין כח צו קומען פון ווייט. רב האט גזאגט צו רבי חייא איך האב גיזעהן וויא אטערק האט גינומען אשווערד אונ האט צו שניטען זיין קעמיל אויף שטיקער. דער נאך האט דער טערק אקלונג גיטאהן מיט אגלעקיל. האט זיך דער קעמיל גישטעלט אגאנצער אלעבעדיגער. האט רבי חייא גיזאגט צו רב דער נאך וויא דער קעמיל הט זיך אויף גישטעלט האסטו גיפונען אויף דעם קעמיל בלוט אונ מיסט פון דיא ערד וואס ער איז דארט גילעגין. הט רב גיזאגט ניין. האט רבי חייא גיזאגט דאס איז נאר גיוועזן אפארבלענדונג. אונ דער קעמול איז קיין מאהל ניט צוא שניטען גיווארין. זעירא איז אמאהל גיקומען אין אלכסנדריא פון מצרים. האט ער דארט גיקויפט אאייזיל. וויא ער האט גיברייגנט דעם אייזיל צום וואסער ער זאל אים געבין טרינקען. איז פון דעם אייזיל גיווארין אברעט. ווארום דאס איז פריער גיוועזן אברעט. אונ מיט כישוף האט מען גימאכט פון דעם ברעט אאייזיל. וויא ער איז גיקומען צום וואסער איז דיא כישוף אוועק גיגאנגען: ווארום דורך וואסער ווערט אפ גיטאהן

דאסקוניתא א"ל אי לאו דזעירי את לא הוי מהדרינן לך מי איכא דזבין מידי הכא ולא בדק ליה אמיא. ינאי איקלע להההיא אושפיזא אמר להו אשקיון מיא קריבו ליה שתיתא הזייה לההיא אתתא דהות קא מרחשן שיפוותה שדי פורתא מיניה הוו עקרבי אמר להו אנא שתאי מדידכו ואתון נמי שתו מדידי אשקייה הות חמרא רכבא סליק לשוקא אתא חברתה פשרא לה הזיוהו (אינשי) דרכיב אאתתא בשוקא. (שם) ותעל הצפרדע ותכס גו' א"ר אלעזר צפרדע אחת היתה והשריצה ומלאה כל ארץ מצרים כתנאי ר"ע אומר צפרדע אחת היתה ומלאה כל ארץ מצרים א"ל רבי אלעזר בן עזריה עקיבא מה לך אצל הגדות כלה מדברותיך ולך אצל נגעים ואהלות צפרדע אחת היתה ושרקה להם והם באו:

ההלכ לא כדף המור. גמלא גבל. דאסקוניתא מין עץ הוא: איכא דזבין מידי הכא וכו'. כלוס יש לוקח בעיר הזאת שמוחזקת בכשפים בוס כהורה ואינו בודקה על המים: ינאי איקלע לבבות אושפיזא. גרסינן ולא גרסינן רבי ינאי דהאי ינאי לאו איהו מעליה הוא שעשה כשפים: שתיתא. קמח טרוף במים: חזייה דמרחשן שיפוותה. ראה ינאי את הלשה המביאה לו את המשקה שהיו שפתים נעות והבין שמכשפה היא: שדא פורתא. מן המשקה לארץ ונעשו עקרבים [ואלמלי שתה מכן היו נעשים בגופו עקרבים]: אנא שתאי מדידכו. לא גנב לבן שהבין לדבר והראה עצמו כאילו שתה: הות חמרא. רכבא נעשית חמור: רכבה. ינאי וסליק בשוקא: פשרה לה. מיהדם את הכשפים וחזרה לקדמותה: כצפרדע. חדא משמע הבריאה. ממטיה יאאו ולדות: מדברותיך. מגע מדבריך ופנה לך להלכות נגעים והלות שהן חמורים וכבן אהה מחודד ולא בהגדה: שרקה לבן. ושמעו קולה כל הצפרדעים שבעולם והם באו: קינוף. ד' עמודים וכילה פרוסה עליהם כדאמרינן

(דף סח) **כן תניא** כשחלה ר' אליעזר נכנסו ר"ע וחבריו לבקרו הוא יושב בקינוף שלו

אַלֶע כישוף. איז ער גיוואָרין צוריק אַברעט. האָט דער פאַר קויפער גיזאָגט צו זעירא. ווען דו וואַלסט ניט גיוועזן זעירא. נאָר אַפּראָסטער מענטש. וואָלט איך דיר דיין געלט ניט צוריק גיגעבין. וואָרום ווער קויפט דען אין דער שטאָט אַזאַך ער זאָל ניט פריער פּרובין ביא דעם וואַסער. ינאי איז אַמאָהל גיקומען אין אַגאַסט הויז. האָט ער גיזאָגט צו דיא מענטשין גיט מיר אַביסול וואַסער צום טרינקען. האָט אַאשה אים גיגעבין שתיתא [דאָס איז וואַסער מיט מעהל שיטער צום טרינקען]. הָט ינאי גיזעהן וויא דיא לעפּצין שאָקלען זיך ביי דיא אשה. זיא רעט עפּעס אין דער שטיל. האָט ער פאַר שטאַנען אַז דיא אשה איז אַמכשפה: האָט ינאי ואין דער שטיל דיא אשה זאָל ניט זעהן] אַראָפּ גיגאָסען אויף דער ערד אַביסול פון דיא שתיתא. איז גיוואָרין פון דיא שתיתא שלאַנגען [פון שלאַנגען האָט דיא מכשפה גימאַכט עס זאָל אויס זעהן וויא שתיתא. אונ אַז ינאי וואָלט דאָס גיטרונקען וואָלט ער גיהאַט די שלאַנגען אין בויך]. הָט ינאי אויס גיגאָסען דיא גאַנצע שתיתא אונ דיא אשה מיט דיא איבעריגע מענטשין האָבען גימיינט אַז ינאי האָט אויס גיטרונקען. האָט ינאי צו זייא גיזאָגט איך האָב גיטרונקען פון אייערע. טרינקט איר פון מיינע. האָט ינאי גיגעבין צו דיא אשה אַביסול פון זיינע משקה. אונ זיא האָט גיטרונקען. איז זיא גיוואָרין אַאייזיל. הָט ינאי אויף איר גערייטען אין גאַס. איז אָן גיקומען איר חברטע האָט זיא אָפּ גיטאָ אהן פון איר דיא כישוף. איז זיא צוריק גיוואָרין אַאשה. האָבען מענטשין גיזעהן וויא ער רייט אויף אַאשה אין גאַס. אין פּסוק שטייט דיא צפרדע איז אויף גיגאַנגען אונ האָט בדעקט דאָס לאַנד מצרים. רבי אלעזר זאָגט איין צפרדע איז נאָר גיוועזן. אונ פון איר זענען מיט איין מאהל גיבאָרין גיוואָרין פיל צפרדעים ביז גאַנץ מצרים איז פול גיוואָרין מיט דיא צפרדעים. זאָגט דיא גמרא תנאים קריגען אין דעם. רבי עקיבא זאָגט אויף מצרים איז נאָר גיקומען איין צפרדע. אונ פון איר איז פול גיוואָרין גאַנץ מצרים מיט צפרדעים. האָט רבי אלעזר בן עזריה גיזאָגט צו רבי עקיבא. עקיבא צו וואָס גייסטו לערנען אגדתא. גיי בעסער לערנען דיא דינים פון נגעים אונ אהלות. אין מצרים איז טאַקי נאָר גיקומען איין צפרדע. אונ זיא הָט אַקוויטש גיטאָהן האָבען אַלע צפרדעים פון דער גאַנצער וועלט גיהערט איר קוויטש זענען אַלע גיקומען אין מצרים:

כן תניא. מיר האָבין גילערנט ווען רבי אליעזר איז קראַנק גיוואָרין זענען אַריין גיגאַנגען רבי עקיבא מיט זיינע חברים צו איהם זעהן וואָס ער מאַכט. רבי אליעזר איז גיזעסין

שלן והם יושבים בטרקלין שלו ואותו היום ע"ש היה ונכנס הורקנוס בנו לחלוץ תפיליו גער בו ויצא בנזיפה אמר להם לחביריו כמדומה אני שדעתו של אבא נטרפה אמר להו דעתו ודעת אמו נטרפה היאך מניחין איסור סקילה ועוסקין באיסור שבות כיון שראו חכמים שדעתו מיושבת עליו נכנסו וישבו לפניו מרחוק ארבע אמות אמר להם למה באתם אמרו לו ללמוד תורה באנו אמר להו ועד עכשיו למה לא באתם אמ"ו לולא היה לנו פנאי. אמר להם תמה אני אם ימותו מיתת עצמן א"ל ר"ע שלי מהו א"ל שלך קשה משלהן נטל ב' זרועותיו והניחן על לבו אמר אוי לכם ב' זרועותי שהם כשני ספרי תורות שנגללין הרבה תורה למדתי והרבה תורה לימדתי הרבה תורה למדתי ולא חסרתי מרבותי אפילו ככלב המלקק מן הים הרבה תורה לימדתי ולא חסרוני

בשבת : לחלוץ תפיליו . של אביו דקסבר שבת לאו זמן תפילין הוא ואסור להניחם אמאי יצא בהן לרשות הרבים : שדעתו של אבא נטרפה . וקסבר הוא למוה שאילו היתה דעתו מיושבת עליו היה חולץ תפיליו : איסור סקילה . הדלקת הנר והטמנת החמין ועוסקין בדבר שאינו אלא איסור שבות דהנחת תפילין בשבת אין כאן איסור מלאכה ואפילו יצא לר"ה דרך מלבוש הוא והכשיטין הוא לו בחול : ברחוק ד' אמות . מפני הנדוי שנדוהו במחלוקת תנור של עכנאי בב"מ : שלי מהו . במה תהא מיתתי : שלך קשה משלהם . מפני שלבך פתוח כאולם ואילו שמשתני הייתה למד תורה הרבה : נטל . ר"א שתי זרועותיו : שנגללין . כשגוללין ס"ת והכתב מכוסה כך נתעלם ותכסה תורה שבלבי כשאמות לפי שלא שמשוני ולמדו ממני : ולא חסרתי מרבותי (אפילו) ככלב המלקק מן הים . לפי חכמתם שהיתה גדולה אין תלמידי עולה להכרם ונקבל מהם חכמה אלא מעט ככלב המלקק מן הים וכן תלמידי לא חסרוני ולא קבלו מחכמתי לחסר את יתרון חכמתי מהם אפילו כמו שמחסר המכחול בשפופרת כטבול א' : לא חסרתי . כלומר לא

אויף זיין בעט ארום בעט זענען גיוועזן פיר שטעקינס אין דיא פיר ווינקען. אונ פון אויבין איז גיוועזן פארשפרייט אלייאה. אונ פיר ווענט איז גיוועזן גימאכט פון ליילעכער. דאס הייסט קינוף. אונ רבי עקיבא מיט זיינע חברים זענען גיזעסין אין שטוב. דער טאג איז גיוועזן ערב שבת. איז זיין זוהן הורקנוס אריין גינאנגען צום פאטער אראפ נעמען פון איהם דיא תפילין. ווייל עס איז שוין גיוועזן באלד שבת אונ מען טאר ניט גיין אין תפילין אום שבת. האט דער פאטער אגישרייא גיטאהן אויף איהם איז ער ארויס גינאנגען פארשעמט. האט הורקנוס גיזאגט צו זיינע חברים מיר דאכט אז דער שכל פון מיין פאטער איז פאר מישט. ער ווייס ניט אז באלד וועט זיין שבת. האט רבי אליעזר גיזאגט צו דיא מענטשין וואס זענען דארט גיוועזן דער שכל פון מיין זוהן אונ דער שכל פון זיין מוטער זענען פאר מישט. זיי פאר שפעטיגען ליכט צינדען אונ צו בעהאלטין דאס עסין אין הויבין אויף שבת. אונ זייא ווערן דאס טאהן אביסול שפעטער וועט זיי קומען סקילה. אונ זיי בשעפטיגען זיך פון מיר אראפ צו נעמען די תפילין. אפילו איך וואלט גיין אין דיא תפילין אום שבת אין גאס איז אויך נאר אסור ווייל די רבנן האבין גיאסרת. וויא דיא חכמים האבין גיזעהן אז רבי אליעזר איז ביי זיין קלארין שכל. זענען זייא אריין גינאנגען צו איהם אונ האבין זיך גיזעצט פיר איילין ווייט פון איהם ווייל רבי אליעזר איז גיוועזן אין חרם. האט רבי אליעזר גיזאגט צו זייא צו וואס זענט איהר גיקומען. האבין זייא גיזאגט צו רבי אליעזר מיר זענען גיקומען לערנען תורה. האט רבי אליעזר צו זייא גיזאגט פאר וואס זענט איהר ביז איצט ניט גיקומען. האבין זייא גיזאגט צו איהם מיר האבין ניט גיהאט קיין צייט. האט רבי אליעזר צו זייא גיזאגט איך ווייס ניט אויב איהר וועט שטארבין מיט אייער אייגענעם טויט. האט רבי עקיבא גיזאגט צו רבי אליעזר וויא וועט זיין מיין טויט. האט רבי אליעזר גיזאגט צו רבי עקיבא דיין טויט וועט זיין ערגער וויא זייערער. האט רבי אליעזר גינומען ביידע ארעמס אונ האט זייא גילייגט אויף זיין הארצין. אונ ער האט גיזאגט ווייא צו איך מיינע צוויי ארעמס איהר זענט אזוי וויא צווייא ספרי תורות וואס זענען פאר וויקילט אזוי וויא מען פאר וויקולט אספר תורה אונ דאס געשריבענע ווערט פאר דעקט. אזוי אז איך וועל שטארבין וועט פאר דעקט ווערין דיא תורה וואס אין מיין הארצין. פיל תורה האב איך גילערונט. אונ פיל תורה האב איך גילערונט מיט מיינע תלמידים. פיל תורה האב איך גילערונט. פון דעכטוועגין האב איך ניט געמינערט פון מיינע רבים אפילו אזוי פיל ווי דער הונט

חסרוני התלמידי (אפילו) [אלא] כמכחול בשפופרת ולא עוד אלא שאני שונה ש' הלכות בבהרת עזה ולא היה אדם שואלני בהם דבר מעולם ולא עוד אלא שאני שונה ש' הלכות ואמרי לה שלשת אלפים הלכות בנטיעות קשואין ולא היה אדם שואלני בהם דבר מעולם חוץ מעקיבא בן יוסף פעם אחד אני והוא היינו מהלכים בדרך אמר לי רבי למדני בנטיעות קשואים אמרתי דבר אחד ונתמלאה כל השדה קשואים אמר לי רבי למדתני נטיעתן למדני עקירתן אמרתי דבר אחד נתקבצו כולן למקום אחד אמרו לו הכדור והאמום מהו כו' אמ' להם טהור ויצתה נשמתו בטהרה עמד רבי יהושע על רגליו ואמר הותר הנדר הותר הנדר למוצאי שבת פגע בו רבי עקיבא בין קסרי ללוד והיה מכה בבשרו עד שדמו שותת לארץ פתח עליו בשורה ואמר (מ"ב ב) אבי אבי רכב ישראל ופרשיו הרבה

הסרתים מהכמתם. נ"מ שהיו מתחלה גדולים יותר ממני וגם עתה גדולים הם ממני (לפי שלמדתי מעט מהם) [לפי שלא למדתי מהכמתם כ"א מעט מהם]. שפופרת. קנה שנותנים בה כחול ומכחול קיסם של עץ או של כסף שהוהבין בתוכו ומטבלו בכחול ומוציאו: בבהרת עזה. בהלכות מראות נגעים: בנטיעות קשואים. הלכות מיני כשפים שעל ידיהם נתמלאה כל השדה קשואין: אמרו לו הכדור והאמום וכו' מהו. בהלקו נחלקו ר"א וחכמים בסדר טהרות [כלים פכ"ג]: הותר הנדר הותר הנדר. שהרגישו: בין קסרי ללוד. שהיו נושאין את מטתו מקסרי ללוד: פתח עליו בשורה. שהיו עושין שורה כשיבות

מינערט פון ים ווען ער לעקט פון איהם. אזוי ויא דער הונט לעקט אביסול וואסער פון ים. בלייבט דאך דער ים אין זיין זעלביגע גרייס וויא ער איז פריער געוועזן. אזוי מיין תורה וואס איך האב געלערנט פון מיינע רבים האב איך נאר צו גינומען פון זייערע חכמות אזוי ווייניג אז עס איז גאר ניט צו דער קענען. אזוי וויא זייא זענען געוועזן פריער גרעסער פון מיר. אזוי זענען זייא געבליבען ווייטער אויך גרעסער פון מיר. אונ מיינע תלמידים האבין פון מיר אויך גאר אזוי ווייניג תורה צו גינומען. אז זייא האבין פון מיר גאר ניט ווייניגער גימאכט. נאר אזוי ווי מען טונקט איין אשטיקול העלציל איין טונק אין פארב אונ מען נעמט איהם באלד ארויס. איז דאך פון דיא פארב גאר ניט געמינערט געווארין. אזוי ווייניג תורה האבין דיא תלמידים פון מיר צו גינומען: אונ מיט וויא פיל איך בין פריער געוועזן גרעסער פאר זייא בין איך איצט אויך גרעסער פאר זייא. נאך מער וואונדער איז איך לערין דרייא הונדערט דינים אין דער משנה בהרת עזה. אונ עס האט מיר נאך קיין מאהל קיין מענטש ניט גיפרעגט איין דין. אונ נאך מער וואונדער איז איך לערין דריי הונדערט דינים (אנדערע זאגין רבי אליעזר האט גיזאגט איך לערין דריי טויזענד דינים) אין נטיעות קשואים. אונ עס האט מיר נאך קיין מאהל קיין מענטש ניט גיפרעגט איין דין. אויסער עקיבא בן יוסף האט גיפרעגט. אמאהל בין איך מיט עקיבא בן יוסף גיגאנגען אין וועג. האט עקיבא בן יוסף צו מיר גיזאגט רבי לערין מיך אדין אין נטיעות קשואים וויא אזוי מען פלאנצט איין אין אפעלד פלוצערין דורך כישוף. האב איך גיזאגט איין זאך איז גיווארין דיא גאנצע פעלד גיפלאנצט מיט פלוצערין. האט עקיבא בן יוסף צו מיר גיזאגט רבי דוא האסט מיך גילערנט וויא אזוי מען פלאנצט זייא איין. לערין מיך ווי אזוי מען רייסט זייא אוים אלע מיט איין מאהל. האב איך גיזאגט איין זאך זענען אלע פלוצערן אויס געריסען גיווארין פון דער ערד אונ האבין זיך פאר זאמעלט אוף איין ארט. האבין די חכמים גפרעגט ביי רבי אליעזר הכדור והאמום קען ווערין טמא: האט רבי אליעזר גיזאגט זייא זענען טהור. אונ וויא ער האט ארוים גירעט דעם ווארט טהור איז ער גישטארבין. האט זיך רבי יהושע גישטעלט אויף זיינע פיס אונ האט גיזאגט דר חרם איז מותר דר חרם איז מותר. שבת צו נאכט האט רבי עקיבא גיטראפין צווישען קסרי אונ לוד וויא מען האט גיטראגין דיא מטה מיט רבי אליעזר. האט ער גישלאגין זיין לייב ביז דאס בלוט האט פון איהם גירונען אויף דיא ערד. אונ ווען דיא מענטשין האבין זיך גישטעלט ארום דיא מטה. האט רבי עקיבא אן גיהויבין צוא זאגין אהספד. מיין פאטער מיין פאטער דוא ביזט געוועזן דער רייט וואגין פון דיא יודין אונ זיינע רייטער. פיל געלט האב איך צו טאהשין. אונ האב ניט ביי וועמען צו טאהשין. איך האב פיל

סמטה לססטר : הרבה מעות יש לי . להחליף : ואין שולחני להרצותן . כלומר הרבה שאלות יש לי לשאול ואין לי למי לשאול :

אי לימא מדכתיב בת שבע בת אליעם . ואליעם בן אחיתופל וכתיב בלדת שלמה בנה ותקרא את שמו ידידיה וסמיך ליה ויהי לשנתים ימים אחר לידתו הרג אבשלום את אמנון וברח לגשור וישב שם ג' שנים הרי ה' שנים לשלמה וכששב מגשור שפיים יואב את דוד ע"י התקועית להשיבו ישב בירושלים שנתים ואח"כ מרד דכתיב בתריה ויהי מקץ מ' שנה והאי ארבעים שנה נקט ליה למנין ששאלו מלך כדאמרינן בתמורה (כדכתיב ויאמר המלך לאבשלום וגו') והלך ומרד ובאותו פרק נחנק אחיתופל כדכתיב ואחיתופל ראה כי לא נעשתה עצתו (ויבא) [וילו] אל ביתו ויחנק הרי שלמה בן ז' שנים : הוי ימיו של

הרבה מעות יש לי ואין לי שולחני להרצותן :

בן סורר ומורה פרק שמיני

(דף סט ע"ב) **א** **דורות** הראשונים היו מולידים בני שמונה שנים) מנ"ל אילימא מדכתיב (ש"ב יא) הלא זאת בת שבע בת אליעם אשת אוריה החתי וכתיב (שמואל ב' יח) אליעם בן אחיתופל הגילוני וכתיב (שם כג) וישלח ביד נתן הנביא ויקרא את שמו ידידיה בעבור ה' וכתיב (שם יג) ויהי לשנתים ימים ויהיו גוזזים לאבשלום וכתיב (שם) ואבשלום ברח וילך גשור ויהי שם שלש שנים וכתיב (שם יד) וישב אבשלום בירושלים שנתים ימים ופני המלך לא ראה וכתיב (שם טו) ויהי מקץ ארבעים שנה ויאמר אבשלום אל המלך אלכה נא ואשלמה את נדרי אשר נדרתי לה' בחברון וכתיב (שם יז) ואחיתופל ראה כי לא נעשתה עצתו ויחבוש את החמור ויקם וילך אל ביתו ואל עירו ויצו אל ביתו ויחנק וכתיב (תהלים נה) אנשי דמים ומרמה לא יחצו ימיהם . ותניא כל שנותיו של

קשיות צו פרעגן און האב ניט ביא וועמען צו פרעגן :

פרק שמיני

א דורות . דיא ערשטע מענטשן פלעגן האבן קינדער צו אכט יאהר . פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייסן מיר דאס . מיר זאלן זאגן ווייל עס שטייט אין פסוק דאס איז בת שבע דיא טאכטער פון אליעם דיא ווייב פון אוריה החתי . און עס שטייט אין פסוק אליעם איז געווען דער זוהן פון אחיתופל הגילוני . און עס שטייט אין פסוק גאט האט געשיקט דורך נתן הנביא און ער האט גירופן שלמהן ידידיה . ווייל גאט האט איהם ליב . און עס שטייט אין פסוק אין צווייא יאהר ארום האט מען גישארין דיא וואל פון אבשלומס שעפסן . און עס שטייט אין פסוק און אבשלום איז אנטלאפין גיווארין און איז גיקומען אין גשור . און ער איז גיוועזן אין גשור דרייא יאהר . און עס שטייט אין פסוק אבשלום איז גיזעסין אין ירושלים צווייא יאהר און דעם פנים פון מלך האט ער ניט גיזעהן . און עס שטייט אין פסוק צום סוף פערציג יאהר האט אבשלום גיזאגט צום מלך איך וועל גיין און וועל בצאהלין מיין נדר וואס איך האב אנגידר וגיטאהן צוא גאט אין חברון . און עס שטייט אין פסוק אחיתופל האט גיזעהן אז זיין עצה איז ניט גיטאהן גיווארין האט ער גיזאטילט דעם אייזיל און איז אויף גישטאנען און איז גיגאנגען צו זיין שטוב און צו זיין שטאט און ער האט גיבאטין זיין הויז געזינד וואס זייא זאלין טאהן נאך זיין טויט און ער האט זיך דער שטיקט . און איז גישטארבין . און עס שטייט אין פסוק דיא מענטשין וואס פאר גיסען בלוט און זענען פאלשע וועלין ניט לעבין קיין העלפט יאהרין . פון דיא אלע פסוקים זעהן מיר אז בת שבע איז גיוועזן א טאכטער פון אליעם . און אליעם איז גיוועזן א זוהן פון אחיתופל . און ווען מען האט גישאורין דיא וואל פון אבשלומס שעפסין איז שלמה אלט גיוועזן צווייא יאהר . דרייא יאהר איז אבשלום גיוועזן אין גשור . איז שוין שלמה אלט גיוועזן פינף יאהר . צוויי יאהר איז אבשלום גיזעסין אין ירושלים איז שוין שלמה אלט גיוועזן זיבען יאהר . דער נאך האט אבשלום אוועק גינומען דיא מלוכה פון דוד . און ביא דער צייט איז אחיתופל דער שטיקט גיווארין און איז גישטארבין . זעהן מיר ווען אחיתופל איז גישטארבין איז שלמה אלט גיוועזן זיבען יאהר . און עס שטייט אין פסוק אז דיא רשעים לעבין ניט ביז העלפט יאהרין . זייא שטארבין פאר פינף און דרייסיג יאהר ווארום דיא גאנצע יאהרין פון מענטשין זענען זיבעציג יאהרן

של דואג אינם אלא ל"ד ושל אחיתופל אינם אלא ל"ג כמה הויא להו תלתין ותלתא דל שבע דהוה שלמה פש להו עשרים ושית דל תרתי שני לתלתי עבורי אשתכח דכל חד וחד בתמני אוליד ממאי דלמא תרוייהו בתשע אוליד ובת שבע אוליד בשית משום דאתתא בריאה היא תדע דהא הויא לה ולד כעיקרא אלא מהכא (בראשית יא) ואלה תולדות תרח תרח הוליד את אברם את נחור ואת הרן אברם גדול מנחור שנה ונחור גדול מהרן שנה נמצא אברם גדול שתי שנים מהרן וכתיב (שם) ויקח אברם ונחור להם נשים וגו' וא"ר יצחק יסכה זו שרה ולמה נקרא שמה יסכה שסכתה ברה"ק והיינו דכתיב (שם כא) כל אשר

אדם. ל"ט דכתיב ימי שנותינו בהם שבעים שנה: פשו להו עשרין ושית. לאחיתופל כשנולד שלמה והוא בן כ"ו שנים נולד ג' דורות אליעם ובת שבע ושלמה: דל תרתי שנין דתלתא עבורי. כלומר פחות מט' חדשים אין שהות לעובר ז' חדשים לבריין וחודש לימי נדות וטהרה: אשתכח דכל חד וחד בתמני אוליד. אחיתופל אוליד אליעם לח' שנה וח' חדשים (לעיבורו) ואליעם הוליד בת שבע לח' שנה וח' חדשים ובת שבע לח' שני: וח' חדשים ללידתו של שלמה הרי כ"ו שנים: דאיתתא בריאה היא. אשה דרכה להיות בריאה וממהרת להזריע: ותדע. דע"כ דאשה ממהרת: דהא הוה לה לבת שבע ולד מקמיה שלמה. אותו הולד שמת לדוד שנולד ראשון דכתיב ביה וכאשר מת הילד קמת ותאכל לחם: אברם גדול מנחור שנה. מדקא חשיב ליה קרא ברישא: וכתיב ויקח אברם ונחור להם נשים. שם אשת אברם שרי ושם אשת נחור מלכה בת הרן אבי מלכה ואבי יסכה אלמא יסכה

אוּנ מִיר הָאבִּין גִיקֶערוּנְט דִיא אַלֶע יָאהרִין פוּן דוֹאֵג זֶענֶען גִיוֶועןפִיר אוּנ דְרַייסִיג יָאהר. אוּנ אֲחִיתוֹפֶל הָאט נָאר גִילֶעבְּט דְרַיי אוּנ דְרַייסִיג יָאהר. דַאמָאלְס אִיז שְׁלֹמֹה אַלְט גִיוֶועןזִיבֶּען יָאהר. אַז מֶען וֶועט רֶעכְנֶען זִיבֶּען יָאהר צוּ רִיק אִיז אֲחִיתוֹפֶל אַלְט גִיוֶועןוֶוען שְׁלֹמֹה אִיז גִיבָּארִין גִיוָוארִין זֶעקְס אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהר. זֶענֶען אִין דִי זֶעקְס אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהר פוּן אֲחִיתוֹפֶל גִיבָּארִין גִיוָוארִין דְרַייא דוֹרוֹת. אֲחִיתוֹפֶל הָאט גִיבָּארִין אֱלִיעָם. אֱלִיעָם הָאט גִיבָּארִין בַּת שֶׁבַע. בַּת שֶׁבַע הָאט גִיבָּארִין שְׁלֹמֹה. צְווַייא יָאהר צוּם וֶוייניגְסְטֶען דַארְף מֶען אָפּ רֶעכֶענֶען צוּ דִיא דְרַייא מָאהל וָואס דִיא וַוייבֶּער זֶענֶען גִיוֶועןמְעוּבֶּרֶת. מִיר זָאלִין רֶעכֶענֶען אַז אֲחִיתוֹפֶלְס וַוייבּ אִיז גִיוֶועןמְעוּבֶּרֶת מִיט אֱלִיעָם זִיבֶּען חֳדָשִׁים. אוּנ אֱלִיעָמְס וַוייבּ אִיז גִיוֶועןמְעוּבֶּרֶת מִיט בַּת שֶׁבַע אוֹיךְ זִיבֶּען חֳדָשִׁים. אוּנ בַּת שֶׁבַע אִיז גִיוֶועןמְעוּבֶּרֶת מִיט שְׁלֹמֹה אוֹיךְ זִיבֶּען חֳדָשִׁים. אִיז שׁוֹין אֵיין אוּנ צְווַאנְצִיג חֳדָשִׁים בְּלַייבְּט נָאר פִיר אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהר. הָאט דָאךְ יֶעדֶער גִיבָּארִין צוּ אַכְט יָאהר. וֶוען אֲחִיתוֹפֶל אִיז אַלְט גִיוֶועןאַכְט יָאהר אוּנ אַחוֹדֶשׁ פוּן נִדָּה מִיט רֵיין וֶוערִין אוּנ זִיבֶּען חֳדָשִׁים מְעוּבֶּרֶת אִיז גִיבָּארִין גִיוָוארִין אֱלִיעָם. אוּנ וֶוען אֱלִיעָם אִיז אַלְט גִיוֶועןאַכְט יָאהר אוּנ אַחוֹדֶשׁ פוּן נִדָּה מִיט רֵיין וֶוערִין אוּנ זִיבֶּען חֳדָשִׁים מְעוּבֶּרֶת אִיז גִבָּארִין גִיוָוארִין בַּת שֶׁבַע. אוּנ וֶוען בַּת שֶׁבַע אִיז אַלְט גִיוֶועןאַכְט יָאהר אוּנ אַחוֹדֶשׁ פוּן נִדָּה מִיט רֵיין וֶוערִין אוּנ זִיבֶּען חֳדָשִׁים מְעוּבֶּרֶת אִיז גִבָּארִין גִוָוארִין שְׁלֹמֹה. אִיז רִיכְטִיג זֶעקְס אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהר. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא פוּן וַואנֶען וֵוייסְטוּ אַז אַלֶע דְרַייא הָאט יֶעדֶער גִיבָּארִין צוּ אַכְט יָאהר. טָאמֶער הָאט אֲחִיתוֹפֶל גִיבָּארִין צוּא נַיין יָאהר. אוּנ אֱלִיעָם הָאט אוֹיךְ גִיבָּארִין צוּ נַיין יָאהר. אוּנ בַּת שֶׁבַע הָאט גִיבָּארִין שְׁלֹמֹה צוּ זֶעקְס יָאהר. וַוייל אַאִשָּׁה אִיז גֶעזִינְטֶער. אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזִין אַז עֶס אִיז אַזוֹי אַז בַּת שֶׁבַע הָאט גִיבָּארִין אַקִינְד נָאךְ פַאר אַכְט יָאהר. וָוארוּם אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט זָאגִין אַז שְׁלֹמֹה אִיז גִיבָּארִין גִיוָוארִין צוּ אַכְט יָאהר בַּת שֶׁבַע הָאט דָאךְ גִיהַאט אַקִינְד נָאךְ פַאר שְׁלֹמֹהן. זָאגְט דִיא גְמָרָא פוּן דַאנֶען וֶועלִין מִיר וִויסֶען אַז פַארְצַייטִיגֶע מֶענְטְשִׁין הָאבִּין גִיבּ רִין קִינְדֶער צוּ אַכְט יָאהר. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דָאס זֶענֶען דִיא קִינְדֶער פוּן תֶּרַח. תֶּרַח הָאט גִיבָּארִין דְרַיי קִינְדֶער אַבְרָם אוּנ נָחוֹר אוּנ הָרָן. אַבְרָם אִיז גִיוֶועןעֶלְטֶער פוּן נָחוֹר מִיט אַיָאהר. נָחוֹר אִיז גִיוֶועןעֶלְטֶער פוּן הָרָן מִיט אַיָאהר. אִיז אַבְרָם גִיוֶועןעֶלְטֶער פַאר הָרָן מִיט צְווַייא יָאהר. אוּנ עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַבְרָם אוּנ נָחוֹר הָאבִּין גִינוּמֶען וַוייבֶּער. דִיא וַוייבּ פוּן אַבְרָם הָאט גִיהֵייסִין שָׂרָה. אוּנ דִיא וַוייבּ פוּן נָחוֹר הָאט גִיהֵייסִין מִלְכָּה. שָׂרָה אוּנ מִלְכָּה זֶענֶען גִיוֶועןדִיא טֶעכְטֶער פוּן הָרָן. הָרָן אִיז גִיוֶועןדֶער פָאטֶער פוּן מִלְכָּה אוּנ דֶער פָאטֶער פוּן יִסְכָּה. אוּנ רַבִּי יִצְחָק הָאט גִיזָאגְט יִסְכָּה מֵיינְט מֶען שָׂרָה. פַאר וָואס הָאט מֶען גִירוּפֶען שָׂרָהן יִסְכָּה. וַוייל שָׂרָה הָאט גִיזֶעהן דוּרְךְ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ. דֶרִיבֶּער שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט הָאט

בת הרן ויסכה זו שרה : דילמא זוטרא דאחוה הואי . והרן הוא דקשיש מיניה : ויהי נח בן חמש מאות שנה . לאחר שהיה בן ת"ק שנה הוליד את שלשתן שם בן מאת שנה ויולד את ארפכשד שנתים אחר המבול : בר מאה ותרתין הוה . הואיל והוא גדול מכולן נמצא שנולד בת"ק שנה לנח וכשירד המבול היה בן מאה שנה אלא ש"מ קטן מכולם הוה ובת"ק ותרתין שנין לאבוה אתיליד ודרך חכמתן חשיב להו ואמרו בתוס' תימא א"כ ליחשוב תם

אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה . ד"א יסכה שהכל סכין ביפיה וכתיב (שם יז) ויפול על פניו ויצחק ויאמר בלבו וגו' כמה קשיש אברהם משרה עשר שנין וקשיש מאבוה תרת'ן שנין אשתכח כי אולידה הרן לשרה בתמני אולידה ממאי דלמא אברהם זוטא דאחוה הוה ודרך חכמתן קא חשיב להו תדע דקא חשיב להו קרא דרך חכמתן דכתיב (שם ה) ויהי נח בן חמש מאות שנה ויולד נח את שם את חם ואת יפת שם גדול מחם שנה וחם גדול מיפת שנה נמצא שם גדול מיפת ב' שנים וכתיב (שם ז) ונח בן שש מאות שנה והמבול היה מים על הארץ וכתיב (שם יא) ואלה תולדות שם שם בן מאת שנה ויולד את ארפכשד שנתים אחר המבול בן ק' שנה בר מאה ותרתין שנין הוה אלא דרך חכמתן קא חשיב להו ה"נ דרך חכמתן קא חשיב להו , א"ר כהנא אמריתא לשמעתא קמיה דרב זביד מנהרדעא אמר אתון מהכא מתניתו לה

האט גיזאגט צו אברהם אלץ וואס שרה וועט דיר זאגין זאלסטו הערין איהרע רייד . אנדערע זאגין דריבער האט מען גירופין שרהן יסכה . ווייל אלע האבין גיקוקט אויף איהר שיינקייט . אונ עס שטייט אין פסוק אברהם איז גיפאלין אויף זיין פנים אונ האט גילאכט : אונ ער האט גיטראכט אין זיין הארץ אמענטש וואס איז אלט הונדערט יאהר זאל נאך גיבארין קינדער . אונ שרה וואס זיא איז שוין אלט נייצניג יאהר זאל נאך גיבארין קינדער . זעהן מיר אז אברהם איז גיוועז עלטער פון שרה מיט צעהן יאהר . אונ אברהם איז גיוועזן עלטער פון הרן שרהס פאטער מיט צוויא יאהר . זעהן מיר אז ווען הרן האט גימאכט גיבארין שרה איז ער אלט גיוועזן נאר אכט יאהר . פרעגט דיא גמרא טאמער איז אברהם גיוועזן דער יינגסטער פון דיא ברידער . אונ הרן איז גיוועזן פיל עלטער פון אברהם . נאר פאר וואס רעכענט מען אברהם דער ערשטער פון אלע ברידער . ווייל מען רעכונט נאך זייער חכמה . אונ איך וועל דיר ווייזין אז דיא תורה רעכונט אלע מאהל נאך דער חכמה . ווארום עס שטייט אין פסוק ווען נח איז אלט גיוועזן פינף הונדערט יאהר . האט ער גיבארין דרייא זיהן . שם אונ חם אונ יפת . שם איז גיוועזן עלטער פון חם מיט איאהר . אונ חם איז גיוועזן עלטער פון יפת מיט איאהר . איז שם גיוועזן עלטער פון יפת מיט צוויי יאהר , אונ עס שטייט אין פסוק ווען נח איז אלט גיווארין זעקס הונדערט יאהר איז גיווארין פון דיא וואסער אמבול אויף דער ערד . אונ נאך שטייט אין פסוק דאס זענען די קינדער פון שם . ווען שם איז אלט גיווארין הונדערט יאהר האט ער גיבארין ארפכשד צוויא יאהר נאך דעם מבול . איז דאך אקשיא צווייא יאהר נאך דעם מבול איז דען שם אלט גיוועזן נאר הונדערט יאהר . ער איז דאך שוין אלט גיוועזן הונדערט מיט צוויי יאהר . ווארום ווען נח איז אלט גיוועזן פינף הונדערט יאהר איז שם גיבארין גיווארין . אונ ווען נח איז אלט גיוועזן זעקס הונדערט יאהר . איז גיוועזן דער מבול . איז דאך שוין שם אלט גיוועזן גאנצע הונדערט יאהר . אונ צוויי יאהר נאך דעם מבול . איז שוין שם אלט גיוועזן הונדערט מיט צווייא יאהר . אונ דער פסוק זאגט אז ער איז נאר אלט גיוועזן הונדערט יאהר . דריבער מוזין מיר זאגין אז שם איז גיוועזן דער יינגסטער . אונ ווען נח איז שוין אלט גיוועזן פינף הונדערט מיט צווייא יאהר איז שם גיבארין גיווארין . איז שם אלט גיוועזן צום מבול אכט אונ נייצניג יאהר . אונ צווייא יאהר נאך דעם מבול איז ער אלט גיוועזן הונדערט יאהר . נאר פאר וואס רעכונט מען שם צום ערשטין . ווייל מען רעכונט נאך זייער חכמה אזוי ביי אברהם רעכונט מען אויך נאך זייער חכמה . אונ אברהם איז טאקי גיוועזן דער יונגסטער . רב כהנא זאגט איך האב גיזאגט דיא זאך (אז שם איז גיוועזן דער יונגסטער] פאר רב זביד פון נהרדעא . הט רב זביד גיזאגט איר לערונט דאס פון דעם פסוק ואלה תולדות שם . מיר לערנען דאס פון דעם פסוק אונ צוא

לה אנן מהכא מתנינן לה (שם י) ולשם יולד גם הוא אבי כל בני עבר אחי יפת הגדול [יפת] הגדול שבאחיו [הוה] אלא מנ"ל מהכא (שמות לה) ובצלאל בן אורי בן חור למטה יהודה וכתיב (ד"ה א ב) ותמת עזובה (אשת כלב) ויקח לו כלב את אפרת ותלד לו את חור וכי עבד בצלאל משכן בר כמה הוה בר תליסר שני דכתיב (שמות לו) איש איש ממלאכתו אשר המה עושים ותניא שנה ראשונה עשה משה משכן שניה הקים משכן ושלח מרגלים וכתיב (יהושע יד) בן ארבעים שנה אנכי בשלוח משה עבד ה' וגו' ועתה הנה אנכי היום בן חמש ושמונים שנה. כמה הויא להו ארבעים דל ארביסר דהוה בצלאל פשו להו עשרין ושית דל תרתי שני דתלתא עבורי אשתכח דכל חד וחד בתמני אוליד:

ב ופיסקא] בן ולא בת. תניא אר"ש בדין הוא שתהא בת ראויה להיות כבן סורר ומורה

לבסוף וקרא קא חשיב. שם הם ויפת ע"כ: ותמת עזובה ויקח לו כלב את אפרת ותלד לו את חור אלמא חור בר כלב הוה ובצלאל היה דור שלישי שלו: וכי עבד משכן היה בן י"ג. דקרי ליה איש איש ממלאכתו וכששלחו המרגלים בשנה השנית כבר היה בן י"ד שנה וכתיב בן ארבעים שנה

עס איז אויך געבארן געווארן קינדער. ער איז דער פאטער פון דיא אלע מענטשין וואס וואוהנען אויף די אנדערע זייט פון טייך פרת. אחי יפת הגדול: ער איז דער ברודער פון יפת: וואס יפת איז דער עלטעסטער ברודער. פרעגט דיא גמרא נאר פון וואנען ווייסען מיר אז פר צייטיגע מענטשין האבען געבארין קינדער צו אכט יאהר. פון דעם פסוק בצלאל דער זוהן פון אורי [אורי] דער זוהן פון חור צום שבט יהודה האט געמאכט אלע כלים צום משכן. אונ עס שטייט אין פסוק עזובה איז געשטארבען האט כלב גענומען אווייב וואס הט געהייסען אפרת. אפרת האט געבארין אזוהן וואס האט געהייסען חור. אונ ווען בצלאל האט געמאכט דעם משכן איז ער אלט געווען דרייצעהן יאהר. ווארום עס שטייט אין פסוק איש איש ממלאכתו אשר המה עושים, יעדער מענטש פון זיין ארבעט וואס זייא האבען געטאהן. זעהן מיר אז יעדער מענטש וואס הט געארבעט ביי דעם משכן איז גירופען געווארין איש: אונ פר דרייצעהן יאהר ווערט מען ניט גירופען איש. איז בצלאל אלט געווען דרייצעהן יאהר ווען ער האט געמאכט דעם משכן: אונ מיר האבען געלערנט דעם ערשטין יאהר וויא די יודין זענען ארויס געגאנגען פון מצרים האט משה געמאכט דעם משכן. דעם אנדערין יאהר הט ער אויף געשטעלט דעם משכן. אונ הט געשיקט מרגלים איז שוין בצלאל אלט געווען פערצינ יאהר אונ עס שטייט אין פסוק כלב הט געזאגט פערציג יאהר בין איך אלט געווען ווען משה האט מיך געשיקט מיט די מרגלים. אונ היינט בין איך אלט פינף אונ אכציג יאהר. זעהן מיר ווען כלב איז אלט געווען פערציג יאר איז בצלאל זיין אורא-איניקול אלט געווען פערצעהן יאהר. דארפין מיר רעכענען פערצעהן יאהר צוריק. איז כלב אלט געווען זעקס אונ צוואנציג יאהר ווען בצלאל איז געבארין געווארין. זענען אין דיא זעקס אונ צוואנציג יאהר פון כלב געבארין געווארין דריי דורות. כלב האט געבארין חור. חור האט געבארין אורי. אורי האט געבארין בצלאל. צווייא יאהר צום ווייניגסטען דארף מען אפ רעכענען צו דיא דריי מאהל וואס די ווייבער זענען געווען מעוברת. מיר זאלין רעכענען אז כלבס ווייב איז געווען מעוברת מיט חור זיבען חדשים. אונ אחודש צום ריין ווערין. איז אכט חדשים. אונ חורס ווייב איז געווען מעוברת מיט אורי אויך זיבען חדשים. אונ אחודש צום ריין ווערין. איז אכט חדשים. אונ אורים ווייב איז געווען מעוברת מיט בצלאל אויך זיבען חדשים. אונ אחודש צום ריין ווערין איז אכט חדשים. איז צווייא יאהר. בלייבט נאר פיר אונ צוואנציג יאהר. האט דאך יעדער געבארין צו אכט יאהר. ווען כלב איז אלט געווען אכט יאהר מיט אכט חדשים איז חור געבארין געווארין. אונ ווען חור איז אלט געווען אכט יאהר מיט אכט חדשים איז אורי געבארין געווארין. אונ ווען אורי איז אלט געווען אכט יאהר מיט אכט חדשים איז בצלאל געבארין געווארין:

ב פיסקא: בן. צוזהן אז ער איז א סורר ומורה הרגת מען אים. אבער א טאכטער אז

ומורה (דף ע) שהכל מצוין אצלה בעבירה אלא גזירת הכתוב הוא בן ולא בת :

ג אמר ר' חנן לא נברא יין בעולם אלא לנחם אבלים ולשלם שכר לרשעים שנאמר (משלי לא) תנו שכר לאובד ויין למרי נפש א"ר יצחק מ"ד (שם כג) אל תרא יין כי יתאדם אל תרא יין שמאדים פניהם של רשעים בעה"ז ומלבין פניהם לעה"ב . רבא אמר אל תרא יין כי יתאדם אל תרא יין שאחריתו דם רב כהנא רמי כתיב תירש וקרינן תירוש זכה נעשה ראש לא זכה נעשה רש . רבא רמי כתיב (תהלים קד) ישמח וקרינן ישמח זכה משמחו לא זכה משממתו והיינו דאמר רבא חמרא וריחני פקחין . א"ר עמרם בריה דר"ש בר אבא מ"ד (משלי כג) למי אוי למי אבוי למי

הכי כיום : שהכל מצוין אצלה בעבירה ושכיחא זונה וכוחה בקטנותה כופה כשלא המצא למודה עומדת בפרשת דרכים ומרגלת הבריות לעבירה בשביל אתנן : לשלם שכר לרשעים . שמתעדנין בו בעוה"ז ומקבלין בו שכר מצות שעושין בעה"ז : לאובד . היינו רשע שנטרד והולך לו : למרי נפש . לאבלים לפכוחי צערייהו : אל תרא יין . כלומר אל תתן עיניך להמשיך אחריו : שאחריתו דם . סופו יהרג עליו : כתיב ישמח . לשון אנוש בשי"ן דמשמע לשון שומם שמשממהו ונוטל הכמת לבו (כמו פנו אלו והשמו לשון תמהון לבב) : וקרינן ישמח . לשון שמחה : זכה . כלומר אם זכה וידע להזהיר בעצמו מלשתות יותר מדאי משמחו שמספקת את הלב : פקחין . שאוני פקח : אבוי . לשון צעקה בלשון ארמי כמו

זיא איז אסורר ומורה ברגת מען זיא ניט. מיר האבען גיערערט רבי שמעון זאגט דער ריין וואלט גידארפט זיין אז אטאכטער איז אסורר ומורה זאל מען איר אויך הרגנן אזוי ווי מען הרגת אזוהן אז ער איז אסורר ומורה. ווארום אנקבה אז זיא איז אפרעסערין אונ אזויפערין ווען זיא איז קליין. דער נאך אז זיא וועט גרויס ווערין אונ דיא וועט וועלין פרעסען אונ זויפען אונ דיא וועט ניט האבען קיין געלט וועט זיא מזנה זיין. נאר דיא תורה האט אבער גיזאגט אזוהן אסורר ומורה זאל מען הרגנן. אבער אטאכטער אסורר ומורה זאל מען ניט הרגנן :

ג אמר. רבי חנן האט גיזאגט ווייל איז אויף דער וועלט ניט מער בשאפען גיווארין נאר צו טרייסטען אבלים. אונ צו בצאהלין שכר צוא די רשעים פאר זייער ביסול מצות אויף דער וועלט. זייא טרינקען ווייז אונ האבען פאר גענינגען אויף דער וועלט אונ נעמען אפ אויף דער וועלט דעם שכר פאר זייערע מצות וואס זייא האבען גיטאהן. זייא זאלין עולם הבא גאר ניט האבען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גיט אלטען ווייז צו דעם פאר לארענעם (צו דעם רשע וואס ער איז פאר לארין פון עולם הבא). אונ ווייז זאלט איר געבין צו דעם מענטש וואס זיין הארץ איז פאר ביטערט אויף דעם מת וואס ער טרויערט. רבי יצחק זאגט עס שטייט אין פסוק אל תרא יין כי יתאדם זאל דיר ניש גיפעלין דער ווייז וואס ער מאכט רויט דעם פנים פון דיא רשעים אויף דער וועלט. ווארום ער וועט ווייס מאכען זייער פנים צוא עולם הבא. רבא זאגט אזוי מיינט דער פסוק אל תרא יין. זאל דיר ניש גיפעלין ווייז צו טרינקען. כי יתאדם. ווארום דער סוף פון ווייז טרינקען איז בלוט. אז מען ווערט שיכור קומט מען צו אלע עבירות, רב כהנא האט גיפרעגט אין פסוק שטייט תירש אונ מיר לייענען תירוש. אז דער מענטש איז זוכה צוא זיין

אצדיק אונ ער טרינקט ווייז נאר ווען עס איז א מצוה צו טרינקען, אונ נים צו שיכור ווערין, וועט ער ווערין אעלצטער (אגרויסער חכם), ווארום ווייז מאכט קלוג דעם מענטשין, אבער אז ער האט ניט זוכה גיוועזן צו זיין אצדיק אונ ער טרינקט ווייז צום פערגעניגין אונ שיכור צוא ווערין, וועט ער ווערין אארעם מאן, רבא האט גיפרעגט אין פסוק שטייט ויין ישמח, מיט אשין, איז דער טייטש פאר וויסטונג, אונ מיר לייענען ישמח מיט א שין, איז דער טייטש דער פרייען, אז דער מענטש איז זוכה ער זאל וויסען צו זיין געהיט ער זאל טרינקען ווייז נאר ווען דיא צייט איז צו טרינקען אונ ניט שיכור צוא ווערין, דער פרייט דער ווייז דאס הארץ פון מענטש, אבער אז ער האט ניט זוכה גיוועזן צו זיין געהיט אונ ער טרינקט ווייז ביז שכור צו ווערין, וועט דער ווייז אים פאר וויסטין, דאס איז וואס רבא האט גיזאגט דיא פיל ווייז וואס איך האב געטרונקען אונ גוטע בשמים שמעקעדיגע וואס איך האב גישמעקט האבען מיך קלוג גימאכט. רב עמרם דער זוהן פון רבי שמעון בר אבא האט גיזאגט עס שטייט אין פסוק

למי מדנים למי שיח למי פצעים חנם למי חכלילות עינים למאחרים על היין לבאים לחקור ממסך . כי אתא רב דימי אמר אמרי במערבא האי קרא מאן דדריש ליה מרישיה לסופיה מדריש ומסופיה לרישיה מדריש . דרש עובר גלילאה י"ג ווי"ן נאמרו ביין (בראשית ט) ויחל נח איש האדמה ויטע כרם וישת מן היין וישכר ויתגל בתוך אהלה וירא חם אבי כנען את ערות אביו ויגד לשני אחיו בחוץ ויקח שם ויפת את השמלה וישימו על שכם שניהם וילכו אחורנית ויכסו את ערות אביהם ופניהם וגו' וייקץ נח מיינו וידע את אשר עשה לו בנו הקטן רב ושמואל חד אמר סרסו וחד אמר רבעו מ"ד סרסו מתוך שקלקלו ברביעי קללו ברביעי ומ"ד רבעו גמר וירא וירא כתיב הכא (שם) וירא חם אבי כנען וכתיב (שם לד) וירא אותה שכם בן חמור בשלמא למ"ד סרסו משום הכי קללו ברביעי אלא למ"ד רבעו מאי שנא רביעי

פירוש: בויא בייא: שיח. צער כמו אריד בשיחי: למי. כל אלה למאחרים על היין: מרישיה לסופיה מדריש. נדרש משמעותו יפה וה"ק למי כל אלה למאחרים על היין לבאים לחקור ממסך שחוקרין היכן היין הטוב הממוסך בבשמים: ומאן דדריש ליה מסופיה לרישיה מדריש. נדרש משמעותו יפה וה"ק למי שיש לו אוי ואבוי ושיח דהיינו אבלים ולמי שיש לו מדנים ופצעים חנם דהיינו רשע הנלחם עם הבריות ולמי שיש לו חכלילות עינים מרוב בזמנו ושקיעתו (בסס) [לכסן] ראוי להיות מאחרים על היין: י"ג ווי"ן. לשון וי וי ויאמר ארור כנען לא השיב אלא עד שידע דנגמר לו עונשו של יין: מתוך שקלקלו ברביעי. שמנעו מלהוליד בן רביעי: קללו ברביעי. קלל את בן רביעי שלו כוש ומצרים ופוט וכנען ויאמר ארור כנען:

למי אוי למי אבוי [ווער שרייט אוי און אבוי] למי מדנים [ווער האט קריג] למי שיח [ווער האט צער] למי פצעים חנם [ווער האט אומויסטע וואונדין] למי חכלילות עינים [ווער האט רויטע אויגען] למאחרים על היין דיא וואס זיצען שפעט ביי נאכט צו טרינקען וויין. לבאים לחקור ממסך צו דיא וואס קומען פרעגין ווער האט גוט געשטעלטין וויין מיט בשמים. אז רב דימי איז געקומען האט ער געזאגט אין ארץ ישראל זאגט מען ווער עס וויל דרשנן דעם פסוק פון אנהייב צום סוף. קען אים דרשנן [אזוי וויא מען האט איצט גידרשט]. און ווער עס וויל דרשנן דעם פסוק פון סוף צום אנהייב קען ער אויך דרשנן. און אזוי מיינט דער פסוק ווער עס האט אוי און אבוי און צער [המשל אבלים]. און ווער עס האט קריג און אומויסטע וואונדען [דאס מיינט מען דיא רשעים וואס האבען קריג און גישלעג מיט מענטשין]. און דיא וואס האבען רויטע אויגען פון פיל פעטקייט: די דריי ערליי מענטשין דארפן זיצען שפעט ביי נאכט און טרינקען וויין. און זייא דארפין פארשטין וואו איז דא גוט גישטעלטער וויין מיט בשמים. דער אבל וועט פרייליכער ווערין. דער רשע וועט אפ נעמען דעם שכר פון זיין ביסול מצות אויף דער וועלט. דער פעטער מענטש וועט מאגערער ווערין. דרש עובר גליאה האט גידרשת דרייצעהן וואוין [דרייצעהן מאהל וי] שטייט ביי דעם וויין. ויחל נח איש האדמה. ויטע כרם. וישת מן היין. וישכר. ויתגל בתוך אהלה. וירא חם אבי כנען את ערות אביו. ויגד לשני אחיו בחוץ. ויקח שם ויפת את השמלה. וישימו על שכם שניהם. וילכו אחורנית. ויכסו את ערות אביהם. וייקץ נח מיינו. וידע את אשר עשה לו בנו הקטן. רב און שמואל קריגען איינער זאגט חם האט מסרס גיוועזן זיין פאטער נח. ער זאל ניט קענען האבען נאך קינדער. און איינער זאגט חם האט מזנה גיוועזן מיט זיין פאטער נח. זאגט דיא גמרא דער וואס זאגט אז חם הט דעם פאטער מסרס גיוועזן ער זאל ניט קענען האבען קינדער. ווייל חם הט גימאכט אז נח זאל ניט קענען האבען נאך א פערטין קינד. דריבער הט נח גיפלוכט דעם פערטין קינד פון חם. דאס איז כנען: און דער וואס זאגט אז חם הט מזנה גיוועזן מיט זיין פאטער: לערנט ער א גזרה שוה איין ויירא פון דעם אנדערין ויירא. דא שטייט וירא חם אבי כנען [חם דער פאטער פון כנען האט גיזעהן] און דארט שטייט וירא אותה שכם בן חמור (שכם דער זוהן פון חמור הט גיזעהן דינהן). אזוי וויא שכם הט גיזעהן דינהן צו מזנה זיין מיט איר. אזוי הט חם גיזעהן דעם פאטער צוא מזנה זיין מיט אים. פרעגט דיא גמרא דער וואס זאגט אז חם האט מסרס גיוועזן דעם פאטער ער זאל ניט האבען א פערטין קינד. דריבער הט נח גיפלוכט כנען ווייל ער איז דער פערטער קינד פון חם.

רביעי נלטייה בהדיא הא והא הואי. ויחל נח איש האדמה ויטע כרם אמר רב חסדא אמר רב עוקבא ואמרי לה אמר מר עוקבא אמר ר' זכאי א"ל הקב"ה לנח נח לא היה לך ללמוד מאדם הראשון] שלא גרם לו אלא יין כמ"ד אותו אילן שאכל ממנו אדם הראשון גפן היה דתניא ר"מ אומר [אותו אילן שאכל אדם הראשון ממנו] גפן היה (ע"ג) שאין לך דבר שמביא לאדם יללה אלא יין ר' יהודה אומר חטה היה שאין התינוק יודע לקרוא אבא ואמא עד שיטעום טעם דגן (וקרי ליה עץ על שם העתיד שחטה תתמר כרקל) ר' נחמיה אומר תאנה היה שבדבר שקלקלו בו נתקנו שנא' (בראשית ג) ויתפרו עלה תאנה:

(משלי לא) ד דברי למואל מלך משא אשר יסרתו אמו א"ר יוחנן משום רשב"י מלמד שכפאתו אמו על העמוד ואמרה לו (שם) מה ברי ומה בר בטני ומה בר נדרי מה ברי הכל יודעין שאביך ירא שמים היה עכשיו יאמרו אמו גרמה לו ומה בר בטני כל הנשים של בית אביך כיון שמתעברות שוב

איש האדמה. אמאי קרי ליה איש האדמה ע"ש. וכיתו הקב"ה היה לך ללמוד מאיש האדמה דהיינו אדה"ר שהיין קנס עליו מיתה: שאין לך דבר שמביא יללה על אדם אלא יין. הילכך מסתברא דעל ידו נקנסה מיתה ובכיה לעולם: שאין התינוק יודע וכו'. ומדקרי ליה עץ הדעת טוב ורע ש"מ היינו חטים: בדבר שנתקלקלו בו נתקנו. מדת הקב"ה כאיזמל שהוא מכה בו הוא מרפא גם בהוך גם כגון ויצא אם בגיון וכתיב ואני אהיה לה נאם ה' חומת אש סביב:

דברי למואל מלך. שלמה המלך למואל מעשיו וחכמתו להקדוש ברוך הוא למואל שכינה הוא כמו ידי שמתי למו פי: משא אשר יסרתו אמו. פרשת תוכחה שהוכיחתו אמו: שכפאתו על העמוד. להנקיתו יסרתו לבין מלקות כדאמריק לקמן ויסרו אותו זה מלקות ומשני שהיתה רואה שהוא בעל כמאה ומרבה בסעודתו היתה מוכיחתו: אמו גרמה. להיות רשע שהרי נהגיך לא יהלו התוכה והיינו מה ברי למה תגרום לרק אחריך שאתה בני ולא בן אביך: בר בטני. מעי גרמו לך להיותך בעל תורה ובעל כח שדחקתי ונכנסתי שתצאים יפה

אבער דער וואס זאגט אז חם הט מזנה געווען מיט נח. פאר וואס האט נח געפלוכט כנען וואס ער איז דער פערטער קינד; פאר וואס הט ער ניט געפלוכט זיין זוהן חם אליין; ענטפערט די גמרא חם הט ביידע זאכען געטאהן; ער האט מסרס געווען. אונ האט מיט איהם מזנה געווען. אין פסוק שטייט ויחל נח איש האדמה ויטע כרם. נח דער ערד מענטש הט אן געהויבען אונ הט געפלאנצט אוויינגארטען; רב חסדא הט געזאגט פון רב עוקבאס וועגען. אנדערע זאגען מר עוקבא האט געזאגט פון רבי זכאים וועגען. גאט האט געזאגט צו נח פר וואס האסטו ניט אפ געלערנט פון אדם הראשון (וואס ער ווערט גירופען ערד מענטש ווייל ער איז בעשאפען געווארען פון ערד). אין זאך הט איהם ניט געברענגט צום שטארבען נאר דער ווין. אזוי וויא דער וואס זאגט דער בוים ודער עץ הדעת וואס אדם הראשון האט פון איהם געגעסען איז געווען אוויינשטאק. וואר־ום קיין זאך ברענגט ניט אקלאג צו דעם מענטש נאר ווין. רבי יהודה זאגט דער עץ הדעת איז געווען ווייץ. ווארום אקינד ווייס ניט צו רופען טאטע אונ מאמע ביז ער עסט ברויט פון קארן אדער פון ווייץ. זעה מיר אז ווייץ מאכט קלוג דעם מענטשין. אונ ביי דעם עץ הדעת שטייט אויך אז איר וועט עסין פון איהם וועט איר קלוג ווערין. געווים איז דער עץ הדעת געווען ווייץ. אונ ווייל אמאהל וועט זיין דער ווייץ הויך געוואקסען אזוי וויא אטייטעל בוים. דריבער רופט מען דעם ווייץ עץ. אבוים. רבי נחמיה זאגט דער עץ הדעת איז געווען אפייגן בוים. מיט דער זאך וואס זייא האבען געזינדיגט מיט דער זאך זענען זייא פאריכט געווארין. זייא האבען געזינדיגט מיט דעם פייגען בוים. אונ דיא בלעטער פון דעם פייגין בוים וואס זייא האבען געניים פר זיך קליידער:

ד דברי. דאס איז דיא רייד פון שלמה המלך וואס ער האט דער ציילט דעם מוסר וואס זיין מוטער האט צוא איהם געזאגט אין אנהייב פון זיין מלוכה ווען ער האט זיך אן געהויבען צוא ציהען נאך גרויסע פערגעניגונגס אונ פיל ווין טרינקען. רבי יוחנן הט געזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין דער פסוק דער ציילט אונז אז דיא מוטער האט צו געבונדען שלמהן צו אזייל צוא שלאגען איהם. אונ זיא האט געזאגט צוא איהם מה ברי ומה בר בטני ומה בר נדרי. מה ברי. וואס טוהסטו מיין זוהן. אלע ווייסען אז דיין פאטער האט מורא געהאט פאר גאט אונ ער איז

שוב אינם ראוות פני המלך ואני דחקתי ונכנסתי כדי שיהא לי בן מזורז ומלובן ומה בר נדרי כל הנשים של בית אביך היו נודרות ואומרות יהא לי בן הגון למלכות ואני נדרתי ואמרתי יהא לי בן זריז ומלובן וממולא בתורה והגון לנביאות. אל למלכים למואל אל למלכים שתו יין אל למלכים אמרה לו בני מה לך אצל מלכים ששותין יין ומשתכרים ואומרים למה לנו אל ולרוזנים אי שכר מי שכל רזי עולם גלויים לו ישתה יין וישתכר. א"ד מי שכל רוזני עולם משכימין לפתחו ישתה יין וישתכר אמר ר' יצחק מנין שחזר שלמה והודה לאמו דכתיב (שם ל) כי בער אנכי מאיש ולא בינת אדם לי כי בער אנכי מאיש מנח דכתיב (בראשית ט) ויחל נח איש האדמה ולא בינת אדם לי זה אדם הראשון:

(דף עא) **ה אמר** ר' זירא כל הישן בבית המדרש תורתו נעשית לו קרעים שנאמר וקרעים

לולד ללבנו ולזרזו כדאמרינן במס' נדה שלשה חדשים האחרונים תשמיש יפה לולד שמתוך כן יצא הולד מלובן ומזורז: אי שכר. כלומר אל לרוזנים לומר אי שכר לא נאה לכן לומר כן: בער אנכי מאיש. בההוא משלי כתיב: זה אדם הראשון. שנכשל ביין והני שתיתי יותר מכם: נעשית לו קרעים. שוכח תלמודו ואינו מכר

פרום גיוועזן. איצט וועט מען זאגין אז דורך מיר דיין מוטער ביסטו ניט פרום. ומה בר בטני: דוא ביסט דער זוהן פון מיין בויך. אלע ווייבער פון דיין פאטער וויא זייא פלעגין מעוברת ווערין פלעגין זייא שוין ניט גיזעהן ווערין פאר דעם מלך אונ איך האב מיך ארייען גיקוועטשט אונ בין ארייען גיגאנגען צו דיין פאטער וויל איך האב גיוואלט האבען אז דוא זאלסט זיין שטארק אונ שיין. אונ אז אאשה איז מעוברת אונ דער מאן איז מיט איר משמש המטה פון סוף דריטען חודש ביז דעם סוף ניינטין. איז דער קינד שטארק אונ שיין. ומה בר נדרי. דו ביסט דער זוהן פון מיינע נדרים. אלע ווייבער פון דיין פאטער אז זייא פלעגין זיין מעוברת פלעגין זיי טאהן נדרים אונ זייא פלעגין זאגין זייא ווילען האבען אזוהן ער זאל טויגין צו זיין אמלך. אונ איך האב גיטאהן אנדר אונ האב גזאגט איך וויל האבען אזוהן ער זאל זיין שטארק אונ שיין אונ ער זאל זיין פול מיט תורה אונ ער זאל ווערט זיין צו זיין אנביא. אל למלכים למואל אל למלכים שתו יין. דיא מוטער האט גזאגט צו שלמה. מיין זוהן גיי ניט אין דעם וועג וויא דיא מלכים גייען. טוה ניט וויא זייא טוהען. דיא מלכים טרינקען וויין אונ ווערין שכור אונ זייא זאגין צו וואס דארפין מיר גאט. ולרוזנים אי שכר. דער מענטש וואס אלע סודות פון דער וועלט זענען אויף גידעקט פאר איהם זאל ער טרינקען וויין אונ זאל זיין שכור. אנדערע זאגן אזוי האט זיא צו אים גזאגט דער מענטש וואס אלע גרעסטע פון דער וועלט קומען צו איהם זאל ער טרינקען וויין אונ זאל זיין שכור. רבי יצחק זאגט פון וואנען ווייסען מיר אז שלמה האט חרטה גיהאט אונ האט מודה גיוועזן צו זיין מוטער אז זיא איז גירעכט. ווארום עס שטייט אין פסוק שלמה האט גיזאגט כי בער אנכי מאיש ולא בינת אדם לי. איך בין מער נאר פון דעם מענטש. פון נח. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נח דער ערד מענטש האט אן גיהויבען צוא פלאנצין אווייגגארטין אונ האט גיטרונקען וויין ביז ער איז שכור גיווארין. וואס פאר אשלעכטין סוף האט ער גיהאט פון זיינע שכרות. אונ איך האב מיך גיט פאר שטאנען דעם סוף וואס אדם הראשון האט גיהאט פון דעם עץ הדעת וואס דאס איז גיוועזן וויין. וואס דער וויין האט גיברענגט דעם טויט אויף איהם אונ אויף דער גאנצער וועלט:

ה אמר. רבי זירא; זאגט דער וואס שלאפט אין בית המדרש ווערט דיא תורה זיינע צו ריסען. דאס מיינט מען ער פאר געסט זיין לערנען. אונ גידיינקט נאר שטיקלאכווייז. אין דער מכבת אביסול נאך אין אמכבת אביסול. אזוי וויא אקלייד וואס איז צוריסען גיווארין. אונ מען געפינט פון איר אויף דעם ארט אשטיקול נאך אויף אארט אשטיקול. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וקרעים תלביש נומה. דער וואס שלאפט וועט אן קליידען צוריסענע קליידער. ווייל

אלא לסירוגין : בקולנו . חד קול משמע מדלא כתיב בקולותינו או בקולינו ביו"ד : אפילו מזוזה אחת . וכ"ש אחד מן ההומשין או ספר מכל הנביאים שהזכרת השם כתובה שם ולא קרינא ביה את כל שללה ושרפת : לא תעשון כן . וגו' בתר ואבדתם את שמם כתיב :

(משלי כג) וקרעים תלביש נומה :

ותניא ר' יהודה אומר אם לא היתה אמו שוה לאביו בקול ובמראה וקומה אינו נעשה בן סורר ומורה שנאמר (דברים כא) בקולנו ומדקיל בעינן שוין מראה וקומה נמי בעינן שוין. תניא א"ר שמעון וכי מפני שאכל זה תרטימר בשר ושתה חצי לוג יין האיטלקי אביו ואמו מוציאין אותו לסקלו אלא לא היה ולא עתיד להיות ולמה נכתב דרוש וקבל שכר . א"ר יונתן אני ראיתיו וישבתי על קברו . כמאן אזלא הא דתניא עיר הנדחת לא היתה ולא עתידה להיות ולמה נכתבה דרוש וקבל שכר כר' אליעזר דתניא רא"א כל עיר שיש בה אפילו מזוזה אחת אינה נעשית עיר הנדחת דכתיב (דברים יג) ואת כל שללה תקבוץ אל תוך רחובה ושרפת באש וכיון דאיכא מזוזה לא אפשר דכתיב (שם יב) לא תעשון כן לה' אלהיכם א"ר יונתן אני ראיתיה וישבתי על תלה :

ער שלאפט און ארבעט ניט וועט ער ניט פאר דינגען וועט ער גיין צוריסענע קליידער. און דער וואס שלאפט אין בית המדרש און לערנט ניט די תורה מיט גרויס חשק ווערט זיין תורה אויך צוריסען :

תניא. מיר האבען גילערונט רבי יהודה זאגט אויב דיא מוטער פון דעם זוהן וואס איז אסורר ומורה איז ניט גלייך צו זיין פאטער מיט איין שטימע און מיט איין אויס זעהן און מיט איין הייך. ווערט ניט דער זוהן גישטראפט וויא אסורר ומורה. ווארום עס שטייט אין פסוק בקולנו. דער זוהן אונזערער הערט ניט אונזער קול. זעהט אויס אז ביידע דער פאטער און דיא מוטער האבען איין קול. און ווייל מיר דארפין אז דער קול פון זייא זאל זיין גלייך. דארפין מיר אויך זייא זאלען אויס זעהן גלייך אין געוואוקס : דאס הייסט דיא גרעס און דיא הייך זייערע זאל זיין גלייך. מיר האבען גילערונט רבי שמעון זאגט ווייל דער קינד האט גיגעסן אפונט פלייש און ער הט גיטרונקען אהאלבע קווארט איטאליענער וויין. דריבער וועלין דער פאטער און מוטער אים ברייגען צו בית דין מען זאל אים הרגנן. געוויס וועט דס קיין פאטער און מוטער טאהן. נאר דער דין איז קיין מאהל ניט גיוועןן און עס וועט ניט זיין. נאר צו וואס הט די תורה גישטעלט דעם דין. דער פאטער און מוטער זאלין לערנען דעם דין ועלין זייא זעהן אז דיא תורה הייסט מען זאל אים שוין הרגנן. ווען אפילו זיי וועלין איהם ניט ברייגען צו בית דין מען זאל אים הרגנן. אבער וויינגסטונס וועלין זייא שוין היטען דעם קינד און וועלין אים זאגין מוסר. און אז דער קינד וועט טאקי בעסער ווערין וועלין זייא האבען שכר. רבי יונתן זאגט איך האב גיזעהן וויא מען האט גיהרגת אבן סורר ומורה. און איך בין גיזעסן אויף זיין קבר. זאגט דיא גמרא וויא וועלכער תנא איז גילערונט גיווארין אז אעיר נדחת (אשטאט וואס אלע מענטשין האבען געדינט עבודה זרה הייסט עיר הנדחת ודיא פאר שטויסענע שטאט דארף מען אלע מענטשין הרגנן. און אלץ וואס מען געפינט אין שטאט דארף מען פאר ברענגען אין פייער) איז ניט גיוועןן און עס וועט ניט זיין. צו וואס איז דער דין געשריבען גיווארין. מען זאל איהם לערנען וועט מען האבען שכר. אזוי וויא רבי אליעזר. ווארום מיר האבען גילערונט רבי אליעזר זאגט דיא שטאט וואס אין איר איז דא אפילו איין מזוזה ווערט זיא ניט קיין עיר הנדחת. ווארום עס שטייט אין פסוק אירע גאנצע רויב זאלסטו פארזאמלען אין גאס און זאלסט פר ברענען אין פייער. און אז אין שטאט איז דא אמזוזה קען מען דאך ניט פר ברענגען אלץ. ווארום דיא מזוזה טאר מען דאך ניט פאר ברענען. ווארום עס שטייט אין פסוק אלע געצין בילדער זאלט איר פאר ברענגען אין פייער און איר זאלט פרלירען זייער נאמען אבער צו גאט זאלט איר ניט אזו טאהן. איר זאלט ניט פאר ברענען דיא זאך וואס אויף איר איז געשריבען דער נאמען פון גאט. און וויא קען דאס זיין אין דער שטאט

ז כמאן אזלא הא דתניא בית המנוגע לא היה ולא עתיד להיות ולמה נכתב דרוש וקבל שכר כר' אלעזר בר' שמעון דתנן ר"א בר"ש אומר לעולם אין הבית טמא עד שיראה בשני גריסין [על שתי אבנים בשתי כתלים בקרן זוית ארכו כשני גריסין ורחבו כגרים מ"ט דר"א בר"ש כתיב קיר וכתיב קירות איזהו קיר שהוא כקירות הוי אומר זה קרן זוית תניא א"ר אליעזר בר' צדוק מקים היה בתחום עזה והיו קורין אותו חורבתא סגירתא . א"ר שמעון איש בפר עכו פעם אחת הלכתי לגליל וראיתי מקום שמציינין אותו ואמרו אבנים מנוגעות פינו לשם :

(דף עב) ח תניא ר' יוסי הגלילי אומר וכי מפני שאכל זה תרטימר בשר ושתה חצי לוג יין האיטלקי אמרה תורה יצא לב"ד ויסקל אלא הגיעה תורה לסוף דעתו של בן סורר ומורה שסופו מגמר נכסי אביו ומבקש למודו ואינו מוצא ויוצא לפרשת דרכים ומלסטם את הבריות אמרה תורה מוטב שימות זכאי

גריס זה שיעור נגעים וכשתי גריסין על שתי אבנים דכתיב וחלצו את האבנים תרתי משמע וככל אחת שיעור נגע : בקרן זוית . ואותן ב' אבנים [יהיו] בקרן זוית אחד בכותל זה ואחד בכותל זה והנגע משוך בשתיהן ארכו ב' גריסין ורחבו כגרים שהוא בכל אבן כגרים על גריס: מ"ט דר"א . דבעי קרן זוית : כתיב קיר . ומראיהן שפל מן הקיר . חורבתא סגירתא . חורבה מצורעת מתרגמינן כגירתא שנותן משם בית המנוגע : מציינין אותו . שלא יאהילו עליו דאבן מנוגעת מטמא באהל דמצורע הוקש למת אל נא תהי כמת :
מגמר . מכלה : למודו. מה שהורגל בבשר ויין :

וָאל מֶען נִיט גְעפִינֶען אֵיין מְזוּזָה · רַבִּי יוֹנָתָן זָאגְט אִיךְ הָאבּ גְ ,יָזֶעהְן אַעִיר הַנִדַחַת · אַשְׁטָאט וָוס אַלֶע מֶענְטְשִׁין הָאבֶּען גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה · אוּנ מֶען הָאט גִיהַרְגֶת דִיא מֶענְטְשִׁין אוּנ אַלֶע פַאר מֶעגִין פוּן שְׁטָאט הָט מֶען פַאר בְּרֶענְט · אוּנ פוּן אַלֶע הַייזֶער פוּן דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאט אִיז גִיוָוארִין אַבַּארְג · אוּנ אִיךְ בִּין גִיזֶעסֶן אוֹיף דֶעם בַּארְג :

ז כְּמַאן · וִויא וֶועלכֶער תַּנָא אִיז גִילֶערוּנְט גִיוָוארִין אַז אַשְׁטוּבּ מִיט אַנֶגַע אִיז נִיט גִיוֶוען אוּנ עֶס וֶועט נִיט זַיין · צוּ וָואס אִיז דֶער דִין גֶעשְׁרִיבֶּען גִיוָוארִין · מֶען זָאל אִיהם לֶערנֶען וֶועט מֶען הָאבִּין שָׂכָר · אַזוֹי וִויא רַבִּי אֶלְעָזָר בְּרַבִּי שִׁמְעוֹן · וָוארוּם מִיר הָאבִּין גִילֶערוּנְט רַבִּי אֶלְעָזָר בְּרַבִּי שִׁמְעוֹן זָאגְט אַשְׁטוּבּ וֶוערְט אַנְדֶערְשׁ נִיט טָמֵא פוּן אַנֶגַע סַיידִין דִיא נֶגַע זָאל זַיין אוֹיף צְוֵויי שְׁטֵיינֶער · אוּנ דִיא צְוֵויי שְׁטֵיינֶער זָאלִין זַיין אִין צְוֵוייא וֶוענְט [אֵיין שְׁטֵיין אִין דִיא וַאנט אוּנ אֵיין שְׁטֵיין אִין דִיא וַאנְט] · אוּנ דִיא צְוֵוייא שְׁטֵיינֶער זָאלִין זַיין בַּהֶעפְט אֵיינֶער נֶעבִּין אַנְדֶערִין אִין אַוִוינְקוּל · אוּנ אֵיין נֶגַע זָאל זַיין אוֹיף בֵּיידֶע שְׁטֵיינֶער צוּזַאמֶען · דִיא נֶגַע זָאל זַיין לַאנְג וִוי צְוֵויי גְרִיסִין · אוּנ בְּרֵייט וִויא אֵיין גְרִיס · פַאר וָואס זָאגְט אַזוֹי רַבִּי אֶלְעָזָר בְּרַבִּי שִׁמְעוֹן וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין אֵיין פָּסוּק קִיר · אֵיין וַואנְט · אוּנ אִין אַנְדֶערִין פָּסוּק שְׁטֵייט קִירוֹת · צְוֵוייא וֶוענְט · וֶועלכֶע אִיז דָאס וָואס וֶוערְט גִירוּפִין אֵיין וַואנְט אוּנ עֶס אִיז צְוֵוייא וֶוענְט , דָאס אִיז אַוִוינְקוּל : מִיר הָאבִּין גִילֶערוּנְט רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בְּרַבִּי צָדוֹק הָאט גִיזָאגְט אִין תְּחוּם עַזָה אִיז גִיוֶוען אַאָרְט וָואס מֶען הָאט אִיהם גִירוּפִין חוּרְבְתָא סְגִירְתָא · אַוִויסטֶע שְׁטוּבּ מִיט אַנֶגַע · רַבִּי שִׁמְעוֹן פוּן דָארְף עַכּוֹ הָאט גִיזָאגְט אַמָאהל בִּין אִיךְ גִיגַאנְגֶען אִין גָלִיל הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן וִויא מֶען בְּעֶצֵייכוּנְט אַאָרְט · כֹּהֲנִים זָאלִין נִיט גֵיין אוֹיף דֶעם אָרְט · הָאט מֶען מִיר גִיזָאגְט אַז אוֹיף דֶעם אָרְט לִיגֶען שְׁטֵיינֶער פוּן אַשְׁטוּבּ וָואס הָאט גִיהַאט אַנֶגַע · וֶוענֶען דִיא שְׁטֵיינֶער טָמֵא :

ח תַּנְיָא · מִיר הָאבִּין גִילֶערוּנְט רַבִּי יוֹסִי הַגְלִילִי זָאגְט צוּ וַוייל דֶער קִינְד הָאט גִיגֶעסִין אַפוּנְט פְלֵיישׁ אוּנ הָאט גִיטְרוּנְקֶען אַהַאלבֶּע קְוָוארְט אִיטַאלְיֶענֶער וַויין הָאט דִי תּוֹרָה גִזָאגְט מֶען זָאל אִיהם בְּרֵיינְגֶען צוּ בֵּית דִין אוּנ פַארְשְׁטֵיינְגֶען · נָאר דִיא תּוֹרָה הָאט בַּקְלֶערְט וָואס דֶער סוֹף פוּן דֶעם קִינְד וֶועט זַיין · דֶער סוֹף וֶועט זַיין עֶר וֶועט פַארְלֶענְדִין דָאס גֶעלְט פוּן זַיין פָאטֶער · עֶר וֶועט אַוֶועק גַנְבֶנֶן דָאס גַאנְצֶע פַאר מֶעגִין פוּן זַיין פָאטֶער · בִּיז דֶער פָאטֶער וֶועט אָרֶעם וֶוערִין · אוּנ עֶר וֶועט פַארְלַאנְגֶען זַיין גִיוואוֹנְהַייט גוּט עֶסִין אוּנ גוּט טְרִינְקֶען · אוּנ עֶר וֶועט נִיט הָאבִּין · וֶועט עֶר גֵיין אִין וֶועג ווא מֶענְטְשִׁין פָארִין · אוּנ עֶר וֶועט גַזְלֶנֶן וֶועמֶען עֶר וֶועט טְרֶעפִין · וֶועט מֶען אִיהם חַאפִּין אוּנ מֶען וֶועט אִיהם הַרְגֶנֶן · הָאט דִיא תּוֹרָה גִיזָאגְט בֶּעסֶער זָאל עֶר

זכאי ואל ימות חייב שמיתתן של רשעים הנאה להם והנאה לעולם ולצדיקים רע להם ורע לעולם. שקט לרשעים רע להם ורע לעולם ולצדיקים הנאה להם והנאה לעולם יין ושינה לרשעים הנאה להם והנאה לעולם ולצדיקים רע להם ורע לעולם. פזור לרשעים הנאה להם והנאה לעולם ולצדיקים רע להם ורע לעולם:

ט **משנה** הבא במחתרת נדון על שם סופו וכו':

גמ' אמר רבא מ"ט דמחתרת חזקה שאין אדם מעמיד עצמו על ממונו והאי מימר אמר אי אזילנא קאי לאפאי ולא שביק לי ואי קאי לאפאי קטלינא ליה והתורה אמרה הבא להרגך השכם להרגו:

מנין

הנאה להם: שאין מוסיפין לחטוא: והנאה לעולם. שהשקט כל הארץ: רע להם. שהיו מוכיחין אותו: ורע לעולם. שהיו מגינים על הדור ומוכיחים את הדור: שקט לצדיקים הנאה להם והנאה לעולם. שיש להם פנאי לעסוק בתורה ובמצות: יין ושינה לרשעים הנאה להם והנאה לעולם. כל זמן שהותים וישנים אינם חוטאין ואינן מריעין לבריות: לצדיקים רע להם. שאין עוסקין בתורה: ורע לעולם. שבשעה שהן עוסקין הן מגינים על הדור וכשהן מתבטלין פורענות באה לעולם: פזור. שנפרדין זה מזה ואין יכולין להועץ עצה רעה ולסייע זה את זה:

הבא במחתרת. במחתרה הורה יהרג: נדון על שם סופו. דהא לא קטל ומקטיל משום דסופו להרוג בעל הבית כשיעמוד כנגדו להציל ממונו: מ"ט דמחתרת שהתירה תורה אין לו דמים כלומר הרי הוא לך כמי שאין לו דם וכמת ומותר להרגו: והזקה אין אדם מעמיד עצמו על ממונו. שרואה שאחר נוטלו ושותק הילכך יודע הגנב הזה שבע"ב יעמוד על ממונו להציל ומימר אמר הגנב אי אזילנא לגביה קאי באפי ולא קאי קטילנא ליה והתורה ע[הורגו] אין לו דמים ומלמדך מאהר שהוא בא להרגך השכם [אתה] להרגו:

מנדם

שטארבן ווען ער איז נאך פרום, אונ מען זאל ניט ווארטן ער זאל שטארבן ווען ער וועט זיין ארשע. אז ארשע שטארבט איז גוט פאר איהם. ער וועט שוין מער ניט זינדיגען; אונ עס איז גוט פאר דער וועלט. ער וועט שוין קיינעם קיין שלעכטס ניט טאהן; אונ אז אצדיק שטארבט איז שלעכט פאר איהם. ער וועט שוין מער ניט טאהן קיין מצות. אונ עס איז שלעכט פאר דער וועלט. ווארום אז דער צדיק האט געלעבט האט ער געשיצט אויף דעם דור. אונ ער פלעגט זיי שטראפן זייא זאלין פרום זיין. אז דיא רשעים זיצען רוהיג איז שלעכט פאר זייא. זייא טוהען פיל עבירות. אונ עס איז שלעכט פאר דער וועלט. ווארום זיי האבן צייט צו טראכטין וואס פר אשלעכץ זייא זאלין טאהן צו מענטשין. אבער אז צדיקים זיצען רוהיג איז גוט פאר זייא. זייא האבן צייט צו לערנען תורה. אונ עס איז גוט פאר דער וועלט: זייא האבן צייט צו פארבעסערין דעם פירונג פון דיא יודין. אז דיא רשעים טרינקען פיל וויין אונ זייא שלאפין. איז גוט פאר זייא. ווארום ווען זייא טרינקען אונ שלאפין זינדיגען זייא ניט. אונ עס איז גוט פאר דיא וועלט. זיי טוהען קיינעם קיין שלעכטץ ניט; אבער אז צדיקים טרינקען וויין אונ שלאפין. איז שלעכט פאר זייא. ווארום ווען זיי טרינקען אונ שלאפין לערנען זיי ניט קיין תורה. אונ עס איז שלעכט פאר דיא וועלט. ווארום אז דיא צדיקים לערנען תורה. בעשיצען זייא אויף די גאנצע וועלט: אונ אז זייא לערנען ניט דיא תורה קומט צרות אויף דער וועלט. אז דיא רשעים ווערען פארשפרייט. יעדער רשע איז בזונדער. איז גוט פאר זייא. זייא האבן ניט קיין שלעכטע עצות. אונ עס איז גוט פאר דער וועלט זייא טוהען ניט קיין שלעכטס צו דיא וועלט. אבער אז דיא צדיקים ווערען פארשפרייט. יעדער צדיק איז בזונדער. איז שלעכט פאר זייא. אז איינעם איז אספק אין אדין. אדער עס הארט איהם אקשיא. האט ער ניט ווער עס זאל איהם ענפערין; אונ עס איז שלעכט פאר דיא וועלט. ווייל דיא וועלט ווערט ניט פאר בעסערט. מען טראכט ניט פאר זייא גוטע עצות:

ט משנה. הבא. אז אגנב קומט אריין בייא נאכט אין אשטוב. מעג דער בעל הבית איהם הרגנן; ווארום דער גנב ווערט געמשפט אויף דעם סוף. רבא זאגט פאר וואס מעג מען דעם גנב הרגנן. ווארום דאס איז געווים אז אמענטש זעהט מען נעמט צו זיין פארמעגין וועט ער זיך ניט אויף האלטין ער זאל שווייגין. אונ דער גנב האט גיטראכט אז איך וועל גיין גנבענן וועט געווים דער בעל הבית זיך שטעלין געגין מיר אונ וועט מיך ניט לאזין נעמען דאס געלט. אונ אז ער וועט זיך שטעלין געגין מיר וועל איך איהם הרגנן. אונ דיא תורה האט געזאגט דער וואס קומט דיך צו הרגנן. זאלסטו איהם פריער הרגנן:

(דף עג) י מנין לרואה את חבירו שהוא טובע בנהר או חיה גוררתו לסטין באין עליו שהוא חייב להצילו (ויקרא יט) לא תעמוד על דם רעך והא מהכא נפקא מהתם נפקא אבידת גופו מנין ת"ל (דברים כב) והשבותו לו אי מהתם הוה אמינא ה"מ בנפשו אבל מיטרח ומיגר אגרי אימא לא קמ"ל:

(דף עד ע"ב) יא בעו מיניה מר' אמי בן נח מצווה על קדוש השם או אינו מצווה על קדוש השם אמר אביי ת"ש ז' מצות נצטוו בני נח ואם איתא תמני הויין א"ל רבא אינהו וכל אביזרייהו מאי הוה עלה א"ר אדא בר אהבה אמרי בי רב כתיב (מ"ב ה) לדבר הזה יסלח ה' לעבדך בבוא אדוני בית רמון [להשתחוות שמה] והוא נשען

אבדת גופו. כגון נטבע בנהר מנין שאתה מצווה על השבתו: ת"ל והשבותו לו. קרא יתירה הוא למדרש השב את גופו לעצמו: ה"מ בנפשו. אם זה שרואהו יכול להצילו יצילהו: קמ"ל. לא תעמוד על דם רעך לא תעמוד על עצמך משמע אלא הטרח על כל צדדין שלא יאבד דם רעך:

בן נח מוזהר על ע"ז כדאמר בפרק ד' מיתות ואם אמר עבור ואם לא תהרג מצוה הוא לקדש את ה' או לא: אביזרייהו. כל מידי דשייך ביה וק"ס שייכא בהו דאם א"ל לעבור על אותן מצות או יהרג אם לא יקדש את ה' יעבור עליהן הילכך האי נמי בכללן הוא. אביזרייהו לורהאפר"סמכס ודוגמתו במנחות עולה וכל אביזרהא: לדבר הזה. מאחר שקבל עליו נעמן שלא לעבוד ע"ז אמר לאלישע לדבר הזה יסלח ד' לעבדך שאני אנוס בדבר שאדון

י מנין. פון וואנען ווייסין מיר אז איינער זעהט זיין חבר טרינקט זיך אין אטייך. אדער אחיה שלעפט אים אדער גזלנים קומען אויף איהם. אז ער מוז איהם מציל זיין (רעטין). שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט שטיין ביא דיא בלוט פון דיין חבר (נאר דוא זאלסט איהם העלפין ער זאל מציל זיין (רעטין זיין לעבין). פרעגט דיא גמרא דאס לערנען מיר אפ פון דעם פסוק. מיר לערנען דאך אפ פון איין אנדער פסוק. פון וואנען ווייסין מיר אז איינער פארלירט זיין גוף מוז דער חבר איהם העלפין מציל זיין. שטייט אין פסוק והשבותו לו. דוא זאלסט איהם אליין צוריק קערין. דוא זאלסט צוריק געבין דיין חבר זיין גוף. ענטפערט דיא גמרא פון דעם פסוק והשבותו לו וואלטין מיר מיינען ער דארף העלפין זיין חבר מיט זיין גוף. אבער ער זאל זיך מטריח זיין צו דינגען מענטשין זייא זאלין העלפין מציל זיין דעם חבר. דאס דארף ער ניט טאהן: דריבער שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט שטיין אויף דיא בלוט פון דיין חבר. נאר דוא זאלסט נאך זוכען אלע מיטלען סייא מיט דיין גוף אונ סייא מיט דיין געלט אונ זאלסט איהם מציל זיין:

יא בעו. מען האט גיפרעגט ביא רבי אמי דאס ווייסין מיר אז אגוי איז פאר באטין ער זאל ניט דינען עבודה זרה. אבער אז מען זאגט צו אגוי דוא זאלסט דינען עבודה זרה אונ אויב ניט וועט מען דיך הרגנן. וויא איז דער דין איז דער גוי פאר באטין צו הייליגען דעם נאמען פון גאט אונ זיך לאזין הרגנן אונ ניט צו דינען עבודה זרה. אדער ניין. דער גוי איז ניט פארבאטין צו הייליגען דעם נאמען פון גאט. נאר ער זאל זיך ניט לאזין הרגנן. אונ ער זאל דינען עבודה זרה. אביי זאגט מיר האבין גילערונט דיא קינדער פון נח (דיא גוים) זענען גיבאטין גיווארין אויף זיבען מצות. אז מיר וועלין זאגין זייא מוזין הייליגען דעם נאמען פון גאט. איז דאך שוין דא אאכטע מצוה. האט רבא גיזאגט עס קען זיין זייא זענען טאקי גיבאטין צו הייליגען דעם נאמען פון גאט. נאר מען מיינט זייא זענען גיבאטין גיווארין אויף זיבען מצות אונ וואס צו דיא מצות גיהער. אויב מען וועט זאגין צו זייא איהר זאלט עובר זיין אויף איינע פון דיא זיבען מצות. אונ אויב ניט וועט מען אייך הרגנן. מוזין זייא זיך לאזין הרגנן אונ ניט עובר זיין אויף דיא מצוה. אונ דאס הייסט ניט אאכטע מצוה. נאר דאס גיהער צו דיא זיבען מצות. זאגט דיא גמרא וויא בלייבט דער דין: רב אדא בר אהבה זאגט ביא רב האט מען גיזאגט עס שטייט אין פסוק ווען נעמן האט אויף זיך גינומען ער זאל ניט דינען עבודה זרה. האט ער גיזאגט צו אלישע צו דער זאך זאל גאט מוחל זיין צו דיין קנעכט (נעמן). ווען מען האר קומט אין דיא הויז וואו דיא עבודה זרה רמון שטייט. אונ ער בוקט זיך דארט צו דיא עבודה זרה. אונ מיין האר איז אן גילעהנט אויף מיין האנט. מוז איך מיך אויך

נשען על ידי והשתחויתי וכתיב (שם) לך לשלום ואם איתא לימא ליה הא בצנעא הא בפרהסיא:

יב אמר רב יהודה א"ר מעשה באדם אחד שנתן עיניו באשה אחת והעלה לבו טינא באו ושאלו לרופאים אמרו אין לו תקנה עד שתבעל לו אמ־ו חכמים ימות ואל תבעל לו. תעמוד לפניו ערומה ימות ואל תעמוד לפניו ערומה. תספר עמו מאחורי הגדר ימות ואל תספר עמו מאחורי הגדר. פליגי בה רבי יעקב בר אידי ורבי (שמעון בר נחמיה) [שמואל בר נחמני] חד אמר אשת איש היתה וחד אמר פנויה היתה בשלמא למ"ד אשת איש היתה שפיר אלא למ"ד פנויה היתה מאי כולי האי א"ר פפא משום פגם משפחה רב אחא בריה דרב איקא אמר כדי שלא יהו בנות ישראל פרוצות בעריות ולינסבה מינסב

נשען על ידי וכתיב ויאמר לו לך לשלום אלמא הודה לו: ואם איתא. דבן נח מוזהר על ק"ה לא לימא ליה לך לשלום דמשמע דהודה לו נמי דאהוכיחו לא היה מצווה דהוכח תוכיח את עמיתך כתיב ולא גר תושב מינהו אודויי לדבר איסור לא לודי: בצנעה. נעמן בצנעה הוה ולא היו ישראל בבית רמון שהוא משתחוה לשם וגבי ק"ה בתוך בני ישראל כתיב ואפילו נצטווה בן נח עליה לא נצטווה לקדשו אלא בתוך ישראל:

והעלה לבו טינא. כלומר מרוב אהבה נטמטם לבו והעלה חולי:

משום פגם משפחה. שאשה שהיו בושין בדבר: שלא יהיו בנות ישראל פרוצות בעריות. לעמוד בפני האנשים לתת בהם עיניהם וימסרו להם לביאה: ולינסבה מינסב. דהא כאן פריצות בעריות דכולהו [ליעבדן] הכי (עבדו) ולינסבן ואין כאן [עבירה]

איינבייגין. דיא עבירה זאל מיר גאט מוחל זיין. האט אלישע גזאגט צו נעמן גיי צוא פרידען. דאס הייסט דוא ועסט ניט האבען קיין עבירה. אז מיר וועלין זאגין אז אגוי מוז זיך לאזין הרגנן און ניט דינען עבודה זרה. וויא אזוי האט אלישע גזאגט צו נעמן גייא צוא פרידען. דאס הייסט דוא מעגסט דיך בוקין צו דיא עבודה זרה. מען טאר דאך ניט. נאר געוויס זעהן מיר פון דאנען אז אגוי דארף ניט הייליגען דעם נאמען פון גאט. ענטפערט דיא גמרא גיין עס קען זיין אז אגוי מוז יא הייליגען דעם נאמען פון גאט. אבער נאר עפענטליך צווישען יודין. אבער צווישען גוים וואו יודין זענען נישטא (דאס הייסט אין דער שטיל). דארף נישט דער גוי הייליגען דעם נאמען פון גאט (און ביי איהדין איז אויך אזוי דער דין). און אין דיא שטוב פון דיא עבודה זרה רמון איז דאך גיטא קיין יודין דריבער האט נעמן גימענט דארט זיך בוקין מיט דעם מלך:

יב אמר. רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין עס האט אמאהל גיטראפען אמענטש האט גיגעבין זיינע אויגען אויף אאשה. זיא איז אים גיפעלין. און פון גרויס ליבשאפט איז די הארץ זיינע קראנק גיווארין. האט מען גיפרעגט ביי דאקטורים. האבען זייא גיזאגט ער האט ניט קיין אנדער הילף סיידין ער זאל זיא בועל זיין. האבען דיא חכמים גזאגט שטארבען זאל ער און ער טאר זיא ניט בועל זיין. האבען דיא דאקטורים גזאגט זיא זאל שטיין פאר אים נאקעט. האבען די חכמים גזאגט שטארבען זאל ער און זיא זאל ניט שטיין פאר אים נאקעט. האבען דיא דאקטורים גזאגט עס זאל שטיין צווישען זייא אוואנט. און ער זאל שטיין פון דער זייט וואנט און זיא זאל שטיין אויף דיא אנדערע זייט וואנט און זייא זאלין שמועסין. האבען דיא חכמים גזאגט שטארבען זאל ער. און זיא זאל ניט שמועסין מיט אים פון אינטער די וואנט. רבי יעקב בר אידי און רבי שמואל בר נחמני קריגען אין דעם. איינער זאגט דיא אשה האט גיהאט אמאן. און איינער זאגט דיא אשה איז גיוועזען אלײדיגע אן אמאן. זאגט דיא גמרא דער וואס זאגט די אשה האט גיהאט אמאן איז רעכט וואס די חכמים האבען אויף אים אזוי פיל גיאסרת. אבער דער וואס זאגט זיא איז גיוועזען אליידיגע אן אמאן. פאר וואס האבען דיא חכמים אזוי פיל גיאסרת אויף אים. רב פפא זאגט מען זאל ניט פאר שעמען דיא משפחה איהרע. רב אחא בריה דרב איקא זאגט דיא יודישע טעכטער זאלין ניט זיין אומפארשעמט מיט זנות. ווארום דיא נקבות וועלין אלע מאהל שטיין פאר דיא זכרים. דיא זכרים זאלין זיך פאר ליבען אין זייא ביז צום קראנק ווערין. וועט מען מוזין מתיר זיין מען זאל זייא בועל זיין. פרעגט דיא גמרא נאך דעם וואס זאגט אז די אשה האט ניט גיהאט קיין מאן פאר וואס הט ער זיא ניט גינומען פאר

מינכב לא מיתבא דעתיה כדר' יצחק דא"ר יצחק מיום שחרב בה"מ ניטלה טעם ביאה ונתנה לעוברי עבירה שנאמר (משלי ט) מים גנובים ימתקו ולחם סתרים ינעם:

הנשרפין פרק תשיעי

(דף עו) **א אל** תחלל את בתך להזנותה (ויקרא יט) רבי (אלעזר) [אליעזר] אומר זה המשיא בתו לזקן ר"ע אומר זה המשהה בתו בוגרת. א"ר כהנא משום ר"ע (ע"ב) איזהו עני רשע ערום זה המשהה בתו בוגרת. וא"ר כהנא משום ר"ע הוי זהיר כן היועצך לפי דרכו. א"ר יהודה אמר רב המשיא בתו לזקן והמשיא אשה לבנו קטן והמחזיר אבידה לעכו"ם עליו הכתוב אומר (דברים כט) למען ספות הרוה את הצמאה

אלא מצוה: לא מיתבא דעתיה. ולא ירפא בכך: מיום שחרב בהמ"ק. כשל ככה מדאגות רבות ולא רוה קמה בא"ש להיות תאב לאשתו לפיכך ניטל טעם ביאה: וניתן לעוברי עבירה. פילגש"ר תוקפן ומרבה תאותן: דכתיב לחם סתרים ינעם. ליבא מעלית נקט (דכתיב) [כמו] כי אם הלחם אשר הוא אוכל:

המשיא בתו לזקן. מתוך שאינה מקבלתו מזנה היא תחתיו: המשהה בתו בוגרת. שמתאוה להפקירה ומזנה: איזהו עני רשע ערום. שבשביל עניות מרשיע: המשהה וכו'. שמשהה אותה בשביל מלאכה וזו היא ערמת רשע שגורם לזנותה בשביל שאינו רוצה לקנות שפחה לשמשו: לפי דרכו. להנאתו: והמחזיר אבדה לעכו"ם. השוה והבר עכו"ם לישראל ומראה בעצמו שהשבת אבדה אינה חשובה לו מצות בוראו שאף לעכו"ם הוא כן שלא נצטווה עליהם: למען ספות. לחבר כמו ספו שנה על שנה: רוה את הצמאה. שבע

אַוַייבּ. ענפערט די גמרא אז זיא וועט זיין אַוַייבּ זיינע וועט זיין יצר הרע נאך ניט זיין בּרוהיגט. וועט ער נאך ניט גיהיילט ווערין. ווארום ער וויל הנאה האבען פון אַעבירה. אַזוי ווי רבי יצחק הט גזאגט פון דעם טאג וואס דער בית המקדש איז חרוב גיווארין איז אוועק גינומען גיווארין דער טעם פון תשמיש המטה. אונ עס איז גיגעבין גיווארין צו דיא וואס זענען מזנה. וייל דער מענטש וואס הט אַוייבּ מיט קינדער איז זיין זארג פון פרנסה זייער גרויס הט ער ניט קיין תאוה צו זיין ווייבּ. אבער דער וואס איז מזנה שטארקט שוין דער יצר הרע זיין תאוה דריבּער הט ער הנאה פון דעם מזנה זיין. אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק גיגנבתע וואסער איז זיס. אונ פאר באהאלטענע ברויט איז גישמאק:

פרק תשיעי

א אַל. עס שטייט אין פסוק דו זאלסט ניט פאר שעמען דיין טאכטער צו מאכען זיא זאל מזנה זיין. רבי אליעזר זאגט דס מיינט מען אז איינער מאכט חתונה זיין טאכטער מיט אַאַלטין מאן. וייל ער איז צו אַלט פאר איר איז זיא מזנה מיט אַנדערע. רבי עקיבא זאגט אז איינער האט אַגרויסע טאכטער אַמיידיל. אונ ער מאכט איר ניט חתונה. איז זיא מזנה. רב כהנא זאגט פון רבי עקיבאס וועגין וועלכער הייסט אַאָרעמער רשע אַקלוגער. דער ארעם מאן וואס אַלט בּיי זיך אַגרויסע טאכטער אונ ער מאכט איר ניט חתונה. אַרשע איז ער וייל ער בּריינגט דער צו אַז זיא זאל מזנה זיין. אונ ער טוהט זיין זאך מיט חכמה. ער זאגט איר צו ער וועט איר געבּין נדן. זיצט זי בּיי אים אונ ווארט אויף דעם נדן. דער ווייל אַרבּעט זיא פון זיינעט וועגין. נאך הט רב כהנא גזאגט פון רבי עקיבאס וועגין דוא זאלסט דיך היטען פון דעם מענטשין וואס גיט דיר אַעצה פון זיין הנאה וועגין. רב יהודה האט גיזאגט פון רבס וועגין דער וואס מאכט חתונה זיין טאכטער צו אַאלטין מאן. אָדער ער מאכט חתונה זיין קליינעם זוהן מיט אַגרויסע מיידיל. אָדער ער האט גיזעהן ווי אַגעצין דינער האט פר לארין אַזאך. הט ער זיא אויף גיהויבּען אונ הט אים אַוועק גיגעבּין. אויף אים זאגט דער פסוק ער האט בּהעפט דעם זאטין מיט דעם דארשטיגען דער אַלטער מאן איז שוין זאט מיט תשמיש המטה. אונ דיא יונגע מיידיל איז נאך דארשטיג צו תשמיש המטה. אָדער אַז דער מאן איז נאך אַקינד. ער איז זאט פון תשמיש המטה. ווארום ער האט נאך ניט קיין תאוה. אונ זיא איז דארשטיג צו תשמיש המטה. ווארום זיא הט שוין אַתאוה. אונ אַז ער האט צוריק גיגעבּין דעם געצין דינער וואס ער הט פאר לארין. הט ער אויך בּהעפט די זאטע מיט דיא דארשטיגע

הצמאה לא יאבה ה' סלוח לו וסמוך לפרקן שפיר רמי להשיאן לקטנים וקטנות. האוהב את אשתו כגופו וכו' האוהב את שכניו וכו':

ב אמר שמואל מפני מה לא נאמרה יד בברזל שהברזל ממית בכל שהוא תנ"ה רבי אומר גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם שהברזל ממית בכל שהוא לפיכך לא נתנה תורה בו שיעור וה"מ דברזייה מיברז:

(דף עח) ג משנה המכה את חבירו בין באבן בין באגרוף ואמדוהו למיתה והקל ממה שהיה ולאחר מכאן הכביד ומת חייב ר' נחמיה אומר פטור שרגלים לדבר:

ד גמ' ת"ר את זו דרש ר' נחמיה (שמות כא) אם יקום והתהלך בחוץ (ע"ג) על משענתו ונקה המכה וכי תעלה על דעתך שזה מהלך בשוק

דבור עם נשא לבכר זקן וילדה או נשאה לתלמיד חכם שבע וכן גדולה לקטן: כמוך לפרקן. עדיין קטנים הם וסמוך לפרקן קאמר דלאו קטנים הם כולי האי דמשום הכי או האי הכי לא חזהם עליו:
לא נאמר יד בברזל. כמ"ש באבן יד בכלי עץ יד משמע שיש אחיזה דבעינן שיעורא אבל בברזל כתיב ואם בכלי ברזל הכהו: שהברזל ממית בכל שהוא. ע"י תחיבה שתחב לו מחט בוושט או בגרון: דברזיה מיברז. פוכס"ט בלע"ז אבל הכאה לארכו דרך הכאה שיעורא בעי:
[ואמדוהו למיתה. ב"ד אבל אמדוהו תחלה לחיים אפילו לרבנן פטור: והקל ממה שהיה. ושוב ואמדוהו לחיים: שרגלים לדבר. שלא מת מחמת מכה זו בהרי הקל: על משענתו. מתרגמינן על בורייה בתרפא לגמרי והמשען על כחו: וכי

חארום דער ערעם מאן האט ניט אזוי א תאוה צו געלט ווא דער רייכער. אונ אז דער געצין רינגער הט פאר לארין געלט. איז ער אָרעמער גיוואָרין. איז אביכול וויינגער גיוואָרין זיין תאוה צו געלט. אונ אז ער הט אים דיא געלט צוריק גיגעבין. איז ער צוריק רייכער גיוואָרין. וועט זיך ווידער שטארקין זיין תאוה צו געלט. וועט ער נאך גנבענן אונ גזלנן דריבער וועט גאט ניט וועלין אים פר געבין זיין זינד. אָבער דיא קינדער וואס וועגען נאנט צו דער צייט פון חתונה האבען. מעג מען ההונה מאכען אז דער בחור איז יונגער אונ דיא מיידיל איז עלטער: אָדער פאר קערט אז דער בחור איז עלטער אונ דיא מיידיל איז יונגער. וואָרום אז איין קינד איז עלטער פר דם אנדערע קינד מיט א האלב יאָהר אָדער א יאָהר. מעג מען זיי מאכען חתונה צו זאמען:

ב אמר: שמואל האט גזאגט פאר וואס אז איינער הרגעת דעם אנדערין מיט אאייזין שטייט ניט אין פסוק אז דער אייזין דארף זיין אזוי גרויס מען זאל אים קענען האלטען אין דיא האנט. אונ אשטיק זאל ארויס גיין פון דא הנט צו שלאגין מיט אים. וואָרום אקליין שטיקיל אייזין קען אויך הרגנן אמענטשין: מיט אנאדיל קען מען אויך הרגנן אמענטשין. אז מען שטעקט אריין אנאדיל אין האלדז אָדער אין הארצין קען מען שטארב. מיר האבען אויך אזוי גילערונט רבי זאגט וייל גאט ווייס אז דיא קלענסטע שטיקול אייזין קען הרגנן אמענטשין. דריבער האט דיא תורה ניט גזאגט וויא גרויס דער אייזין זאל זיין. דאס איז נאר אז ער האט איהם גישטאכען מיט דעם אייזין: אָבער אז ער האט איהם נישלאגין מיט אאייזין אונ האט איהם גיהרגעט. דארף מען וועהן אויב מיט אזוי אאייזין קען מען הרגנן. דארף מען דעם רוצח הרגנן אָבער אז מיט דעם אייזין קען מען ניט הרגנן. דארף מען ניט הרגנן דעם רוצח:

ג משנה. המכה. אז איינער שלאגט זיין חבר מיט אשטיין אָדער מיט דעם פויסט: אונ דאקטורים האָבען גישאצט אז ער וועט שטארבען. דער נאך איז דיא קראנקייט גרינגער גיוואָרין. דער נאך איז דיא קראנקייט צוריק שווער גיוואָרין. אונ ער איז גישטארבען. דארף מען הרגנן דעם רוצח. רבי נחמיה זאגט מען זאל ניט הרגנן דעם רוצח. וואָרום דאס וואס דיא קראנקייט איז פריער גרינגער גיוואָרין. איז אבווייזונג אז ער איז ניט גישטארבין פון זיין שלאגין:

ד גמרא: תנו רבנן. דיא רבנן האָבען גילערונט דעם פסוק האט גידרשת רבי נחמיה. אויב ער וועט אויף שטיין אונ ער וועט גיין אין גאס אויף זיין אן לע הנונג. אויף זיינע כוחות: זאל דער שלעגער זיין ריין. פרעגט דיא גמרא צו וואס דארף דם דיא תורה זאגין וואלטין מיר

בשוק וזה נהרג אלא זה שאמדוהו למיתה והקל ממה שהיה ולאחר כך הכביד ומת שהוא פטור] ורבנן האי (סס) ונקה המכה מאי דרשי ביה מלמד שחובשין אותו ור' נחמיה חבישה מנ"ל יליף ממקושש ורבנן נמי לילפו ממקושש מקושש בר קטלא ומשה לא הוה ידע קטליה במאי לאפוקי האי דלא ידעינן א בר קטלא הוא אי לאו בר קטלא הוא ורבי נחמיה יליף ממגדף דלא הוה ידע אי בר קטלא הוא וחבשוהו ורבנן מגדף הוראת

תחלה על דעתך. למה ליה למימר ונקה המכה ממיתה: אלא זה שאמדוהו. מתחלה למיתה וכן הכתיב ללמדך שאם יקום מן המשכב והתהלך בחוץ ואמדוהו לגבעת הא יש ונקה המכה ואפילו מת לאחר מכן שהזר והכביד]: ורבנן האי ונקה המכה מלמד שחובשין אותו. אם אמדוהו למיתה חובשין המכה שלא יברח עד שנראה אם ימות אם לאו לאו אי ונקה המכה דמשמע לכשיקום ונקה המכה מכלל דעד השתא חבוש הוא: יליף ממקושש. דכתיב ויניחו אותו במשמר: מקושש בר קטלא הוה. פשיטא ליה למשה דבר קטלא הוא כדאיתא לקמן בברייתא יודע היה מרע"ה שהמקושש במיתה שהרי כבר נאמר בתורה מחלליה מות יומת אבל לא היה יודע באיזה מיתה יומת ורבנן ס"ל כמ"ד לא בעינן שיודיעוהו בהתראתו באיזה מיתה נהרג: דלא היה יודע אי בר קטלא הוא אי לא. כדמפרש לקמן אבל מגדף לא נאמר בו אלא לפרש וכו': הוראת שעה היתה. אי לא כתיב חבישה דהכא מחבישה דהתם לא

דען גימיינט אז דער מענטש וואס מען האט איהם גישלאגן וועט גיין געזונדט אין גאס אונ דעם שלעגער זאל מען הרגנן. נאר אזו מיינט דער פסוק למשל ראובן האט גישלאגן זיין חבר שמעון. אונ דאקטורים האבען גישאצט ער וועט שטארבען פון דיא שלעק. דער נאך איז די קראנקייט גרינגער גיווארין. האבין דיא דאקטורים גיזאגט ער וועט שוין לעבין. דער נאך איז צוריק די קראנקייט אויף איהם שווער גיווארין אונ ער איז גישטארבין. דארף מען ניט הרגנן ראובן. אונ אזוי מיינט דער פסוק אויב ער וועט אויף שטיין פון זיין קריינק אונ וועט גיין אין גאס אויף זיין אן לעהנונג. דער נאך וועט ער צוריק קראנק ווערין אונ וועט שטארבין. פון דעסטוועגין זאל דער שלעגער ריין ווערין אונ ער איז פרייא. אונ דיא רבנן וואס זאגין אז מען הרגת יא דעם שלעגער וואס דרשנן זייא מיט דעם פסוק דער שלעגער זאל ריין ווערין נאויב ער שטארבט פון דיא שלעק הרגת מען דאך דעם שלעגער. אונ אויב ער שטארבט ניט געווים אז דער שלעגער איז ריין. פאר וואס זאל מען איהם הרגנן. צו וואס דארף דער פסוק זאגין אז ער איז ריין. זאגט דיא גמרא דער פסוק לערונט אונז אז איינער שלאגט זיין חבר. אונ דער חבר ווערט קראנק. פארשליסט מען דעם שלעגער אין אשטוב ער זאל ניט אנטלויפין. אונ מען זעהט אויב דער חבר שטארבט הרגת מען דעם שלעגער. אונ אויב ער ווערט גיזונד לאזט מען איהם פרייא. זאגט אזוי דער פסוק אויב דער חבר שטייט אויף פון זיין קריינק אונ גייט ארום אין גאס אויף זיין אן לעהנונג אויף זיינע כחות. דאמאלס ווערט דער שלעגער ריין. אבער פריער איז ער ניט ריין. נאר ער זיצט פאר שלאסין. זאגט דיא גמרא פון וואנען ווייס רבי נחמיה אז מען דארף דעם שלעגער פארשליסען אין אשטוב ער זאל ניט אנטלויפין. ענטפערט דיא גמרא רבי נחמיה לערונט אפ פון דעם מקושש (אזוי וויא עס שטייט אין פרשה שלח). דארט שטייט מען האט איהם פארשלאסין מען זאל איהם היטען. פרעגט דיא גמרא זאלין דיא רבנן אויך אפ לערנען פון מקושש. ענטפערט דיא גמרא ביי דעם מקושש האט מען גיוואוסט געווים אז מען דארף איהם הרגנן. נאר משה האט ניט גיוואוסט מיט וועלכין טויט מען זאל איהם הרגנן. דריבער האט מען איהם פארשלאסין מען זאל איהם היטען. אבער דער מענטש וואס האט גישלאגין זיין חבר אונ ער איז נאך ניט גישטארבין. ווייס מען נאך ניט אויב מען וועט דעם שלעגער הרגנן ואויב דער חבר וועט שטארבין. אדער מען וועט איהם ניט דארפין הרגנן. ווייל דער חבר וועט לעבין. פון וואנען ווייסין מיר אז פון ספק וועגין דארף מען איהם פארשליסען. דריבער שטייט אין פסוק דער שלעגער זאל ריין ווערין. (אזוי וויא עס שטייט פריער). פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייס רבי נחמיה אז פון ספק וועגין פאר שליסט מען איהם אויך. ענטפערט די גמרא רבי נחמיה לערונט אפ פון דעם מגדף (דער וואס האט גילעסטערט גאט אזוי וויא עס שטייט אין פרשה אמר): משה רבינו הט ניט גיוואוסט אויב מען דארף איהם הרגנן אדער ניין. פון דעסטוועגין הט מען איהם פר שלאסין אין אשטוב צו היטען איהם. פרעגט די גמרא פר וואס לערנען דיא רבנן ניט אפ פון

הוראת שעה היתה כדתניא יודע היה מרע"ה שהמקושש במיתה שנאמר (שמות לא) מחלליה מות יומת אלא לא היה יודע באיזה מיתה נהרג שנאמר (במדבר טו) כי לא פורש וגו' אבל מגדף לא נאמר בו אלא לפרוש להם ע"פ ה' שלא היה משה יודע אם הוא בן מיתה כל עיקר אם לאו:

(דף פ ע"ב) **ה א"ל** שמואל לרב יהודה שיננא (דף פא) לא תימא ליה לאבוך הכי דתניא הרי שהיה אביו עובר על ד"ת לא יאמר לו אבא עברת על דברי תורה אלא אומר לו אבא כך כתיב בתורה סוף סוף היינו הך אלא אומר לו אבא מקרא כתיב בתורה כך:

ו דרש רב אחא בר חנינא מ"ד (יחזקאל יח) אל ההרים לא אכל שלא אכל בזכות אבותיו ועיניו לא נשא אל גלולי בית ישראל שלא הלך בקומה זקופה ואת אשת רעהו לא טמא שלא ירד

פירוש

לא הוה גמרינן דהוראת שעה היתה שהרי לא נצטוו מתחלה על אותה הכישה ומעלתם עשו דכיון דלא נאמר בו מיתה מתחלה מה ספק היה להטיל עליו ספק מיתה לחובתו: כדתניא. סייעתא לבא דאמר לעיל מקושש לא נסתפקו עליו אלא באיזה מיתה נהרג אבל מגדף לא היו יודעין שהיה חייב מיתה: מה יעשה לו. משמע בר עשייה הוא אבל לא היו יודעין מה: לפרוש להם. ולא כתיב מה יעשה משמע כל דינו היו צריכין להם לפרש:

לא תימא ליה לאבוך הכי. להודיעו בהדיא שהוא עושה עולה משום דמכסיף ומצטער: אלא אומר לו אבא כך כתיב בתורה. קס"ד בתמיה קאמר וכי כך כתיב בתורה: סוף סוף היינו הך. דמכייפו ואומר וכי יפה אתה עושה: אלא. בניחותא א"ל מקרא כאמור בתורה והוא עצמו ישים על לבו על מה זה הזכירו וה"נ אין לך לומר לאביך לא תנייה הכי:

אל ההרים לא אכל. סיפיה דקרא צדיק הוא חיה יחיה קאמר זה צדיק גמור על כרחך משום דלא עבד הכי לאו צדיק הוא אם עבר עבירות אחרות אלא לאו כמשמעותיה מדרים אל ההרים לא

דעם מגדף אז פון ספק וועגין פר שליסט מען אויך: ענטפערט דיא גמרא פון מגדף קען מען ניט אפ לערנען. ווארום דער פרשליסען פון מגדף איז נאר גיפסקת געווארין אויף דעם דין זונג צוא דער צייט. אבער ניט מען זאל פון דעם דין אפ לערנען אויף אנדערע זאכין. אזוי וויא מיר האבען גילערונט משה רבינו עליו השלום הט גיוואוסט אז דעם מקושש דארף מען הרגנן. ווארום עס שטייט אין פסוק דער וואס איז מחלל שבת זאל מען אים הרגנן. נאר ער האט ניט גיוואוסט מיט וועלכין טויט זאל מען אים הרגנן: ווארום עס שטייט אין פסוק עס איז ניט בשייד גיוועזן וואס מען זאל איהם טאהן. זעהן מיר מען האט גיוואוסט אז מען דארף איהם טאהן: הרגנן: נאר מען האט ניט גיוואוסט מיט וועלכין טויט מען זאל איהם הרגנן. דריבער האט מען אים פאר שלאסין מען זאל אים היטן. אבער ביי דעם מגדף שטייט ניט מער נאר עס זאל ארוס גירעט ווערין דורך גאט. אויב מען זאל איהם הרגנן אדער ניין. ווארום משה הט ניט גיוואוסט אויב מען דארף אים הרגנן אדער ניין. פר וואס הט מען אים פר שלאסין צו היטן אים. נאר צוא דער צייט האט משה גיפסקת מען זאל איהם פר שליסען. אבער אנדערע מענטשין אויף אנדערע עבירות קען זיין אז מען דארף ניט פאר שליסען פון ספק וועגין. דריבער לערנען אפ דיא רבנן פון דעם פסוק. דער שלעגער זאל ריין ווערין. אז פון ספק וועגין דארף מען אויך פר שליסען:

ה אמר. שמואל האט גזאגט צו רב יהודה דוא למדן דוא זאלסט ניט אזוי זאגין צו דיין פאטער. ווארום מיר האבין גילערונט אז אזוהן זעהט דער פאטער טוהט ניט וויא אין דער תורה שטייט. זאל ער ניט זאגין פאטער דוא טוהסט ניט וויא אין דער תורה שטייט. ווארום ער וועט פאר שעמט ווערין. נאר ער זאל זאגין צום פאטער. פאטער אזוי שטייט דען אין דער תורה. פרעגט דיא גמרא אז ער וועט אזוי זאגין וועט ער דאך אויך פאר שעמט ווערין. ווארום דאס איז גימיינט אין דער תורה שטייט דאך אנדערש וויא דוא טוהסט: נאר אזוי זאל דער זוהן זאגין. פאטער אין דער תורה שטייט אזוי א פסוק: אונ דער פאטער וועט זיך שוין אליין דער מאנען אז ער טוהט אנדערש:

ו דרש. רב אחא בר חנינא האט גידרשת עס שטייט אין פסוק צו דיא בערג האט ער ניט גיגעסין. דאס מיינט מען ער האט ניט גיגעסין אין דעם זכות פון זיינע עלטערין. נאר אין זיין אייגענעם זכות: אונ זיינע אויגין האט ער ניט אויף גיהויבין צו דיא עבודה זרות פון דיא

ירד לאומנות חבירו ואל אשה נדה לא יקרב שלא נהנה מקופה של צדקה וכתיב (שם) צדיק הוא חיה יחיה . וכשהיה ר"ג מגיע למקרא זה היה בוכה ואמר מאן דעביד לכולהו הוא דחי בחדא מינייהו לא (חיי) א"ל ר"ע אלא מעתה (ויקרא יח) אל תטמאו בכל אלה הכא נמי בכולהו אין בחדא מינייהו לא אלא באחת מכל אלה הכי נמי באחת מכל אלה :

אבל שלא נצטרך לזכות אבותיו מתוך שהוא חסיד: שלא נהנה מקופה של צדקה. שהוא דבר גנאי לאדם הגון :

מי שלקה ושנה. שלקה ב' פעמים על ב' עבירות : שלא בעדים. שלא ניתן לב"ד להרגו : היכא רמיזא. ודאי הלכה למשה מסיני הוא האי עונש דכיפה ומיהו היכא רמיזא מקרא: תמותת רשע רעה. מי שהוחזק רשע תמותתהו רעתו אלמא מוחזק רשע כבר מיתה הוא : מגודל רעה. אידי

(ע"ב) ז משנה מי שלקה ושנה ב"ד כונסין אותו לכיפה ומאכילין אותו שעורים עד שכרסו נבקעת . ההורג נפשות שלא בעדים כונסין אותו לכיפה ומאכילין אותו לחם צר ומים להץ : גמ' מאי כיפה א"ר יהודה מלא קומתו והיכא רמיזא אמר ריש לקיש (תהלים לד) המותת רשע רעה . ואמר ר"ל מ"ד (קהלת ט) כי גם לא ידע האדם את עתו

יודין . דאס מיינט מען ער איז ניט גיגאנגען דעם קאפ אויף גיהויבין אין דער הייך . אונ דעם חברס ווייב האט ער ניט מטמא גיוועזן . דאס מיינט מען ער איז ניט אריין גיגאנגען אין זיין חברס מלאכה צו נעמען זיין פרנסה . אונ צו אשה וואס איז אנדה האט ער ניט גינענט . דאס מיינט מען ער האט ניט הנאה גיהאט פון צדקה געלט . אונ אז ער האט גיטאהן דיא אלע זאכין הייסט ער אצדיק אונ ער וועט לעבין . אונ אז רבן גמליאל איז גיקומען צו דעם פסוק האט ער גיוויינט אונ ער האט גיזאגט דער וואס האט גיטאהן דיא אלע זאכין וועט ער לעבין . אבער אז ער האט נאר גיטאהן איינע פון דיא זאכין . איז ער ניט זוכה צום לעבין . האט רבי עקיבא גיזאגט צו רבן גמליאל עס שטייט אין פסוק איהר זאלט אייך ניט מטמא זיין אין דיא אלע זאכין . ווערסטו אויך זאגין אין אלע זאכין טאר מען זיך ניט מטמא זיין . אבער אין איינע פון דיא זאכין מעג מען זיך מטמא זיין . נאר מען מיינט איהר זאלט אייך ניט מטמא זיין אפילו אין איינע פון דיא אלע זאכין . דא מיינט מען אויך אזוי דער וואס טוהט אפילו איין זאך פון דיא אלע זאכין וועט ער אויך זוכה זיין צום לעבין :

ז משנה . מי . אז איינער האט גיטאהן אעבירה פון כרת . אונ מען האט איהם גישלאגין מלקות . דער נאך האט ער גיטאהן דיא זעלביגע עבירה נאך אמאהל . אונ מען האט איהם נאך אמאהל גישלאגין מלקות . אז ער טוהט דיא זעלביגע עבירה נאך אדריטען מאהל . מכניסין אותו לכיפה . זאל בית דין הייסין מען זאל איהם בריינגען אין אשטוב וואס זיא איז נאר גרויס וויא דער מענטש . אונ מען גיט איהם עסין ברויט מיט וואסער . אלע מאהל וויינגער ביז דיא גידערים ווערין איינגיצויגין אונ קליין . דער נאך גיט מען איהם עסין גערשטין . אונ דיא גערשטין ווערין אויף גיבלאזין אין דיא גידערים . ביז זיין בויך ווערט צו שפאלטין . אויב איינער האט גהרגת אמענטשין . אונ עס איז ניטא קיין עדות . נאר בית דין וויים געוויס אז ער האט דעם מענטשין גיהרגת . זאל בית דין הייסין מען זאל איהם אריין בריינגען אין אשטוב וואס זיא איז נאר גרויס ווי דער מענטש . אונ מען גיט איהם עסין ברויט מיט וואסער . אלע מאהל וויינגער ביז די גידערים ווערין איין גיצויגין אונ קליין . דער נאך גיט מען איהם עסין גערשטין אונ דיא גערשטין ווערין אויף גיבלאזין אין דיא גידערים ביז זיין בויך ווערט צו שפאלטין . זאגט די גמרא וואס איז דער ווארט כיפה . רב יהודה זאגט דאס איז אשטוב וואס אינווייניג קען ניט מער שטיין נאר איין מענטש . אונ וואו שטייט דאס אז מען זאל דעם רשע לאנג פייניגען ביז ער וועט שטארבין פון זיך אליין . האט ריש לקיש גיזאגט דוד המלך האט גיזאגט [אין תהלים קפיטל לד] דעם רשע זאל טייטין זיין שלעכטס . נאך האט ריש לקיש גיזאגט עס שטייט אין פסוק דער מענטש ווייסט ניט זיין צייט [ווען ער וועט שטארבין] . אזוי וויא דיא פיש וואס ווערין גיחאפט מיט אשלעכטע נעץ . וואס מיינט מען אשלעכטע נעץ . ריש לקיש זאגט דאס איז אווענטקע

עתו כדגים שנאחזים במצודה רעה מאי מצודה רעה אמר ר"ל הכה ׃

ח פיסקא הבועל ארמית קנאין פוגעים בו. **בעא** מיניה רב כהנא מרב (דף פב) **לא פגעו** בו קנאים מהו אנשייה רב לגמריה אקריוה לרב כהנא בחלמיה (מלאכי ב) בגדה יהודה ותועבה נעשתה בישראל ובירושלים כי חלל יהודה קדש ה' אשר אהב ובעל בת אל נכר אתא א"ל הכי אקרון אדהכי אדכריה רב לגמריה בגדה יהודה זו ע"ז וכן הוא אומר (ירמיה ג) בגדתם בי בית ישראל נאם ה' ותועבה נעשתה בישראל ובירושלים זה משכב זכור וכה"א (ויקרא יח) ואת זכר לא תשכב משכבי אשה תועבה היא. כי חלל יהודה קדש ה' זו זונה וכה"א (דברים כג) (ולא יהיה קדש) [לא תהיה קדשה מבנות ישראל] ובעל בת אל נכר זה הבא על הארמית וכתיב בתריה (מלאכי ב) יכרת ה' לאיש אשר יעשנה ער ועונה מאהלי

דאיירי הכא ר"ל בהאי קרא מייתי נאידך דרבא דר"ל: מאי מצודה רעה את הכה. אגמאיל"י בלע"ז באות רע והלום וקטן ואות ז בו דגים גדולים פ״ג״נ ואינו דומה לגמרא ברשת על ידי מארב והחבולות: קנאין פוגעין בו. בני אדם כשרים המקנאים קנאתו של מקום פוגעין בו בשעה שרואין את המעשה אבל לאחר מיכן אין מיתתו מסורה לבית דין והלכה נמסה מסיני היא: פוגעין. ממיתין כמו לך ופגע בו: לא פגעו בו קנאין מהו. מה עונש בדבר: אנשייה רב לגמריה. שכח מה שאמר רבו בדבר זה ולא ידע להשיבו: וכה"א ואת זכר וגו'. סיפיה דקרא תועבה היא: זונה. מופקרת ואפילו ישראלית: קדש. שם קיר קדושתו והולך לרדוף זנות: קדשה. מחלל את קדושתה וכן

יאשפיצינער אייזין הויבין זיצט אוועקעמיל. דער פיש קומט עסין דאס וועקעמיל ער מיינט דאס איז אן גיברייט גיווארין צו זיין גומען ער זאל האבין צו עסין. אונ דער אייזין שטעכט איהם אריין אין גומען אונ ער ווערט באלד טויט (אבער אז מען פאנגט דעם פיש אין אנעץ. האט נאך דער פיש צייט צום לעבין איניווייניג. איז דיא נעץ נאך ניט אזוי שרעכט פאר איהם). ביי דעם מענטש איז אויך אזוי. עס קומט אמאהל צוא דעם מענטש אגוטער גישעפט. ער מיינט דער גישעפט וועט אים שוין ברייננען זיין גאנצין גליק. אונ דער גישעפט ברייננט אויף איהם אפלוצלונגען אומגליק. ער זאל פלוצלונג שטארבין. למשל מען זאגט צוא אמענטשין ער זאל פארין אין דער שטאט וועט ער דארטין קויפין סחורה זייער וואלוויל. אין וועג זענין אויף אים ארויף גיפאלין גזלנים אונ האבין אים גיהרגת׃

ח פיסקא. הבועל׃ אז איוד איז מזנה מיט אגויה. אזא פרומער יוד טרעפט אים ווען ער איז מזנה. מעג ער איהם הרגנן. רב כהנא האט גיפרעגט ביי רב. אויב דיא פרומע יודין האבין אים ניט גיהרגת. וואס פאר אשטראף קומט אויף איהם׃ האט רב פאר געסין וואס זיין רבי האט אים גיזאגט אויף דער זאך. האט מען גזאגט צוא רב כהנא אין חלום דעם פסוק יהודה האט גיפעלשט אונ אמיאוסה זאך איז גיטאהן גיווארין ביא יודין אונ אין ירושלים. ווארום יהודה הט פאר מיאוסט דיא הייליגקייט פון גאט. וואס ער האט ליב גיהאט אונ האט מזנה גיוועזן מיט דיא טאכטער וואס דינט אפרעמדין גאט. איז גיקומען רב כהנא צוא רב אונ האט גיזאגט צוא איהם דעם פסוק האב איך גילייענט אין חלום. דער ווייל תאט רב זיך דער מאנט וואס ער האט גילערנט. עס שטייט אין פסוק יהודה האט גיפעלשט׃ דאס מיינט מען זייא האבען געדינט עבודה זרה. אונ אזוי שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט דיא יודין האבין גיפעלשט אין מיר׃ אונ אמיאוסה זאך איז גיטאהן גיווארין ביי יודין אונ אין ירושלים. דאס מיינט מען זיי האבין מזנה גיוועזן מיט זכרים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מיט אזכר זאלסטו ניט ליגן ווי מען ליגט מיט אאשה ווארום דאס איז אמיאוסה זאך. ווארום יהודה האט פאר מיאוסט דיא הייליגקייט פון גאט. דס מיינט מען ער הט מזנה גיוועזן (אפילו מיט אאידישע זונה)׃ אונ אזוי שטייט אין פסוק לא תהיה קדשה מבנות ישראל. עס זאל ניט זיין ביי יודין אזוי אאשה וואס פאר מיאוסט איר הייליגקייט אונ איז מזנה. אונ ער הט מזנה גיוועזן מיט דיא טאכטער פון אפרעמדין גאט׃ דאס מיינט מען ער הט מזנה גיוועזן מיט אגויה וואס זיא דינט צו אפרעמדין גאט. דער נאך שטייט אין פסוק גאט וועט פאר שנידין פון דעם מענטש ווס וועט טאהן דיא זאכען ער ועונה

מאהלי יעקב ומגיש מנחה לה׳ צבאות] אם ת"ח הוא לא יהיה לו ער בחכמים ועונה בתלמידים אם כהן הוא לא יהיה לו בן מגיש מנחה לה׳ צבאות א"ר חייא בר אבויה כל הבא על הארמית כאילו מתחתן בע"ז דכתיב ובעל בת אל נכר וכי בת יש לו לאל נכר אלא זה הבא על הארמית . כי אתא רב דימי אמר בית דינו של חשמונאי גזרו הבא על הנכרית חייב עלה משום נשג"א כי אתא רבין אמר משום נשג"ז נדה שפחה גויה זונה אבל משום אישות לית להו ואידך נשייהו ודאי לא מפקרי . אמר רבה בר בר חנה א"ר יוחנן הבא לימלך אין מורין לו ולא עוד אלא שאם פירש זמרי והרגו פנחס נהרג עליו נהפך זמרי והרגו לפנחס אין נהרג עליו שהרי רודף הוא . (במדבר כה) ויאמר משה אל שופטי ישראל הלך שבטו של שמעון אצל זמרי בן סלוא אמרו לו הם דנין דיני נפשות ואתה

קדש מחלל קודשתו : חייב עליה . כלומר נעשה מם משוף כל אלו (ועיין ברש"י בגמרא) : קנאי פגעו לימלך . בב"ד בשעת מעשה אם יפגע בו אין מורין לו בלא נאמר אלא למקנא מעלמו והיינו נמלך : ולא עוד אלא שאם פירש זמרי . מן האשה והרגו פנחס אחר כן נהרג עליו שלא נאמרה הלכה אלא בשעת

מאהלי יעקב ומגיש מנחה לה׳ צבאות. דאס מיינט מען אויב ער איז א תלמיד חכם. וועט ער ניט האבען א זוהן וואס זאל האבען אשארפין שכל אין דיא תורה אונ זאל זיך קענען מפלפל זיין מיט חכמים . אונ דער זוהן וועט ניט וויסען צו ענטפערין די תלמידים תירוצים אויף זייערע קשיות ווער איז דער טייטש וואכעדיג . דער וואס האט אשארפין שכל איז ער אוואכעדיגער מענטש . אונ עונה איז דער טייטש ענטפערין . [ועיין מהרש"א] . אונ אויב ער איז אכהן וועט ער ניט האבען אזוהן וואס זאל מקריב זיין אמנחה צוא גאט . רבי חייא בר אבויה האט גזאגט דער וואס איז מזנה מיט אגויה . אדער ער נעמט אגויה פר אווייב . איז גליך וויא ער וואלט זיך מתחתן גיוועזן מיט דער עבודה זרה . ווארום עס שטייט אין פסוק ער האט בועל גיוועזן דיא טאכטער פון אפרעמדין גאט : האט דען דער פרעמדער גאט אטאכטער . נאר דער וואס איז בועל אגויה וואס זיא דינט צו אפרעמדין גאט : איז גליך וויא זי וואלט גיוועזן די טאכטער פון דער עבודה זרה אליין . אז רב דימי איז גיקומען האט ער גיזאגט דער בית דין פון דיא חשמונאים האבען גוזר גיוועזן דער וואס איז בועל אגויה . זאל ער גישטראפט ווערין אויף די פיר עבירות וואס זיי הייסין נשג"א [נדה. שפחה. גויה. אשת איש] . אז רבין איז גיקומען הט ער גיזאגט ער ווערט גישטראפט אויף די פיר עבירות וואס זייא הייסען נשג"ז [נדה שפחה גויה זונה] . אבער אאשת איש איז ביי גוים ניששא . ווארום דיא מאנען פאר בארגין זייערע ווייבער צו אנדערע מאנען . זענען זייא זונות . אונ רב דימי זאגט אגוי איז ניט מפקיר זיין ווייב . ער האלט זיין ווייב נאר פר זיך . דעריבער איז זיא ניט קיין זונה . נאר אאשת איש . רבה בר בר חנה הט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין אז איינער זעהט ווי זיין חבר איז מזנה מיט אגויה . אונ ער קומט צו בית דין פרעגין אויב ער זאל איהם הרגנן . פסקנת מען ניט צום הרגנן . נאר אויב ער האט אים גיהרגת פון זיך אליין . אומגיפרעגט ; הט ער גוט גיטאהן . אונ נאך מער ווען פינחס הט גיזעהן וויא זמרי בן סלוא הט מזנה גיוועזן מיט דיא מדינית . ווען פינחס וואלט גיווארט ביז זמרי הט זיך אפ גישיידט פון איר . דער נאך וואלט פינחס אים גיהרגת . וואלט מען גידארפט פנחסן הרגנן ; אונ אפילו ווען זמרי איז גיוועזן בהעפט צו די מדינית ; אונ פינחס איז אים גיקומען הרגנן . ווען זמרי וואלט זיך אומגיקערט אונ וואלט גיהרגת פנחסן . וואלט מען זמרין ניט גיהרגת, ווארום פנחס הט דאך נאך געיאגט זמרין צוא הרגנן אים . אונ אז איינער יאגט נאך זיין חבר צו הרגנן אים . מעג דער חבר אים פריער הרגנן . עס שטייט אין פסוק משה האט גיזאגט צוא דיא שופטים פון די יודין זייא זאלין הרגנן אלע מענטשין וואס זענען בהעפט גיווארין צו די עבודה זרה פעור איז גיגאנגען דער שבט שמעון צוא זמרי בן סלוא אונ זיי האבען גזאגט צו אים דיא דיינים משפטין מען זאל אונז הרגנן אונ דוא זיצט אונ שווייגסט . ווס הט זמרי גיטאהן . ער הט פארזאמלט פיר אונ צוואנציג טויזענד יודין . אונ ער

ואתה יושב ושותק מה עשה עמד וקבץ עשרים וארבעה אלף מישראל והלך אצל כזבי אמר לה השמיעי לי אמרה לו בת מלך אני וכן צוה לי אבי לא תשמעי אלא לגדול שבהם אמר לה אף הוא נשיא שבט הוא ולא עוד אלא שהוא גדול ממנו שהוא שני לבטן והוא שלישי לבטן תפשה בבלוריתה והביאה אצל משה אמר לו בן עמרם זו אסורה או מותרת ואם תאמר אסורה בת יתרו מי התירה לך נתעלמה ממנו הלכה געו כולם בבכיה והיינו דכתיב (שם) והמה בוכים פתח אהל מועד וכתיב (שם) וירא פינחס בן אלעזר מה ראה אמר רב ראה מעשה ונזכר הלכה אמר לו אחי אבי אבא לא כך למדתני בירידתך מהר סיני הבועל ארמית קנאין פוגעין בו א"ל קריינא דאגרתא איהו ליהוי פרוונקא. ושמואל אמר ראה שאין חכמה ואין תבונה ואין עצה נגד ה' כל מקום שיש חלול השם אין חולקין כבוד לרב רבי יצחק א"ר אלעזר ראה שבא מלאך והשחית בעם. (שם) ויקם מתוך העדה ויקח רמח בידו מכאן שאין נכנסין בכלי זיין לבית המדרש שלף שננא והניחה באונקלי שלו והיה (ע"ב) נשען [והולך] על מקלו וכיון שהגיע אצל

מעשה: זמרי. הוא שלומיאל נשיא שבט שמעון כדלקמן: שמעון שני (לשבטים). [לבטן] לוי שלישי לבטן: בת יתרו מי התירה לך. משה קודם מתן תורה נשאה וכשניתנה תורה כולן בני נח היו ונכנסו לכלל מצות והיא עמהם וגרים רבים של ערב רב: ונעלמה ממנו הלכה. שנאמרה לו בסיני הבועל ארמית וכו': אחי אבי אבא. היינו משה שהיה אחי אבי אביו אהרן: פרוונקא. שליח: שמואל אמר. מאי וירא ראה שאין חכמה כלומר מהאי פסוק אין חכמה ואין תבונה נגד ה' שכל מקום שיש חילול השם אין חולקים כבוד לרב לפיכך הורה כמתב הלכה בפני רבו ולא המתין ליטול רשות ממשה שלא יראו הרואים וילמדו להתיר את הנכרית: ויקם ויקח. מכלל דעד השתא לאו בידו הוה: העדה. סנהדרין שהיו יושבין ודנין כדכתיב קח את כל ראשי ואמרינן בפרק רביעי חלק להם בתי דינין לדונם דיני נפשות על עון פעור: שלף רמחא. שלף הברזל שבראש העץ של רומח: אונקלי. מלבוש: נשען [והולך] על מקלו. [על] העץ נכדו בלי הברזל שלא יכירו

איז ניגאנגען צו די גויה כזבי. אונ ער הט גזאגט צו איר איך וויל מיט דיר מזנה זיין. האט כזבי גזאגט צוא זמרי איך בין א טאכטער פון א מלך. אונ מיין פאטער האט מיר פאר באטין איך זאל ניט מזנה זיין נאר מיט דעם גרעסטין פון דיא יודין. הט זמרי גזאגט צו כזבי איך בין א נשיא פון א שבט. אונ איך בין גרעסער פון משה. איך בין פון דעם אנדערין זוהן פון יעקב. אונ משה איז פון דעם דריטען זוהן פון יעקב. הט זמרי אן גינומען די כזבי ביי דיא האר אונ ער הט איר גיבריינגט צו משה. הט זמרי גזאגט צו משה די גויה מעג איך נעמען פאר א ווייב. אדער איך טאר ניט. אויב דו וועסט זאגין איך טאר ניט. ווער הט דיר מתיר גיוועזן צוא נעמען דיא טאכטער פון יתרו. הט זמרי אן גיהויבען מזנה זיין מיט כזבי. אונ פון משה איז פאר געסין גיווארין דער דין אז איצט מעג ער דעם זמרי הרגנן. האבין אלע יודין געשריגען מיט אגיוויין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זיי האבען גיוויינט אין טיר פון אהל מועד. נאך שטייט אין פסוק פנחס בן אלעזר הט גיזעהן. רב זאגט ער הט גיזעהן ווי זמרי איז מזנה מיט כזבי. הט ער זיך דער מאנט דעם דין אז איצט מעג ער אים הרגנן. הט פנחס גזאגט צו משה. פעטער האסטו דען מיך ניט גילערנט ווען דוא ביסט אראפ גיקומען פון בארג סיני אז איינער איז מזנה מיט א גויה זאלין דיא פרומע מענטשין אים הרגנן. הט משה גזאגט צו פנחס דער וואס וויים צו לייענען דעם בריף. זאל ער זיין דער שליח אוועק צו טראגין דעם בריף. דוא ווייסט דעם דין זיי דו אים מקיים. אונ גיי הרגה דעם זמרי. שמואל זאגט פינחס הט גיזעהן דעם פסוק עס איז ניטא קיין חכמה אונ ניט קיין פאר שטאנדיגקייט אונ ניט קיין עצה געגין גאט. וואו עס איז א חילול השם זאל מען ניט געבין כבוד צו א רבי. דריבער האט פינחס ניט גיווארט צו הערין וואס משה וועט זאגין. נאר ער האט אליין גיפסקנט דעם דין. עס זאל ניט זיין א חילול השם. נאך יודין זאלין ניט נעמען גויהם מיט זייא מזנה זיין. רבי יצחק זאגט פון רבי אלעזרס וועגין פינחס הט גיזעהן וויא דער מלאך המות הרגנט אין דעם פאלק. איז ער אויף גישטאנען פון די עדה אונ הט גינומען דעם שפיז אין האנט. אבער ביז איצט האט ער ניט גיהאלטען דעם שפיז אין האנט. ווייל מען טאר ניט אריין גיין אין בית המדרש מיט געווער. ער האט אראפ גינומען דעם שפיציגען אייזין פון דעם שטעקין. אונ הט דעם אייזין אביין

אצל שבטו של שמעון אמר היכן מצינו ששבטו של לוי גדול משל שמעון אמר הניחו לו אף הוא לעשות צרכיו נכנס דתירו פרושים את הדבר :

ט אמר ר' יוחנן ששה נסים נעשו לו לפנחס ; אחד שהיה לו לזמרי לפרוש ולא פירש . ואחד שהיה לו לדבר ולא דבר . ואחד שכוון בזכרותו של איש ובנקבותה של אשה - ואחד שלא נשמטו מן הרומח . ואחד שבא מלאך והגביה את המשקוף . ואחד שבא מלאך והשחית בעם ובא וחבטן לפני המקום אמר לפניו רבש"ע על אלו יפלו כ"ד אלף מישראל שנאמר (במדבר כה) ויהיו המתים במגפה ארבעה ועשרים אלף והיינו דכתיב (תהלים קו) ויעמוד פנחס ויפלל א"ר אלעזר ויתפלל לא נאמר אלא ויפלל מלמד [כביכול] שעשה פלילות עם קונו בקשו מה"ש להדפו אמר להם הניחו לו קנאי

בן

מכירין בו בני שבטו שהרוג הוא נא : היכן מצינו כו'. כלומר אתם מפקירים עצמכם אחר בנות מואב אני למה לא אעשה כמותכם וכי שבט שלי גדול משלכם שאהא פרוש וטהור יותר מכלכם כיון ששמעו כן אמרו הניחו לו ליכנס לקובה שאף הוא רוצה כמותנו : צרכיו. תשמיש: התירו פרושים את הדבר. והאי מותר לעשות כן שהרי כנהם עשה כמותנו כך אמרו העומדים שם כשראו שנכנס : שהיה לו לפרוש. מן האשה ושוב לא ניתן להרגו: לדבר. לזעוק לאנשי שבטו לסייעו : שכוון בזכרותו ובנקבותה. וראו אותן דבוקים זה בזה וידעו שניתן רשות לקנאי לפגוע בו ולא יאמרו שנאה היה בלבו עליו : שלא נשמטו מן הרומח. לפרוש זה מזה עד שראו ישראל שהרגם בדין : והגביה את המשקוף. והוציאן (עד שכן) כדבקין ולא הוצרך להשפיל הרומח וישמטו : ואחד שבא מלאך והשחית בעם. והוטרדו בני שבטו במגפה ולא הרגו לפנחס : פלילות. ריב : בן קנאי. משבט

גילייגט אין אקעשענע. אונ ער האט זיך אן גילעהנט אויף דעם שטעקן פון דעם אייזן אונ איז גיגאנגען. מען זאל ניט וויסן אז ער וויל איינעם הרגנן. אונ וויא ער איז געקומען צום שבט שמעון. האט ער גזאגט וואו געפינע מיר אז דער שבט לוי איז גרעסער פאר דעם שבט שמעון. אז איר מעגט מזנה זיין מיט דיא טעכטער פון מואב. מעג איך אויך מיט זייא מזנה זיין. בין איך דען מער יחסן פר אייך. וויא דער שבט שמעון הט דאס גיהערט. האבען זייא גזאגט לאמיר לאזין פנחסן אריין גיין צו זמרי מיט כזבי. ער וויל אויך מיט איר מזנה זיין. איז פנחס אריין גיגאנגען צו זייא. האבען אלע פרומע גזאגט אז פנחס מעג מזנה זיין מעגין מיר אלע מזנה זיין. ביז פינחס הט גישטאכען זמרי מיט כזבי:

ט אמר. רבי יוחנן הט גזאגט. זעקס נסים זענען גיטאהן גיווארן צוא פנחס. איינס ווען זמרי וואלט זיך אפ גישיידט פון כזבי. וואלט פינחס אים ניט גימעגט הרגנן. אבער זמרי האט זיך ניט אפ געשיידט פון איר. דאס אנדערע ווען זמרי וואלט געשריגען וואלטען אריין גילאפין דיא מענטשן פון זיין שבט אונ וואלטען ניט גילאזט פינחס זאל אים שטעכן. ער האט אבער ניט געשריגען. דאס דריטע אזוי וויא זמרי איז גילעגין אויף כזבי אזוי האט פינחס גיטראפען צוא שטעכין אין ביידע ביז צוא איר אין בויך. אז אלע מענטשין האבען גיקענט זעהן ווי זמרי איז מזנה מיט כזבי. אונ אויף דעם שפיז האבען זייא ניט גיקענט אפ גישיידט ווערין איינער פון אנדערין. דאס פערטע זייא זענען ניט אראפ גיפאלען פון שפיז ביז אלע יודין האבען גיזעהן פאר וואס זייא ווערין גיהרגת. דאס פינפטע אמלאך איז גיקומען אונ האט פאר גרעסערט דיא טיר פינחס מיט דעם שפיז אין דער הייך אונ זמרי מיט כזבי וואס זענען גיווען ארויף גישטאבען אויף דעם שפיז זאלן קענען גיין גלייך דורך דיא טיר. אונ מען זאל ניט דארפן איינבייגן דעם שפיז. זייא זאלן ניט אראפ פאלען. דאס זעקסטע אמלאך איז גיקומען אונ האט גיהרגת דיא מענטשין פון זיין שבט. האבען זייא קיין צייט גיהאט צו מאכען אקריג מיט פינחס אונ צוא הרגנן אים. דער נאך איז פינחס גיקומען אונ האט אווארף גיטאהן זמרי מיט כזבי פאר גאט. אונ ער האט גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם פון וועגין דיא צוויי מענטשין זאלן גיהרגת ווערין פיר אונ צוואנציג טויזענד יודין. וואס עס שטייט אין פסוק די וואס זענען גישטארבן דורך דער מגפה זענען גיוועזן פיר אונ צוואנציג טויזענד, דאס מיינט דער פסוק ויעמוד פינחס ויפלל. רבי אלעזר זאגט עס שטייט ניט ויתפלל. פינחס הט גיבעטין. נאר עס שטייט ויפלל. ער הט געקריגט. דער פסוק לערינט אונז אז פינחס האט גימאכט אקריג מיט גאט. דיא מלאכים האבען גיוואלט

בן קנאי הוא משיב חמה בן משיב חמה הוא. התחילו שבטים מבזים אותו ראיתם בן פוטי זה שפטם אבי אמו עגלים לע"ז והרג נשיא שבט מישראל בא הכתוב וייחסו (במדבר כה) פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן א"ל הקב"ה למשה הקדם לו שלום שנא' (שם) לכן אמור הנני נותן לו את בריתי שלום וראויה כפרה זו שתהא מכפרת והולכת לעולם. אמר ר' יוחנן ה' שמות יש לו זמרי בן סלוא ושאול בן הכנענית ושלומיאל בן צורישדי זמרי על שנעשה כביצה המוזרת בן סלוא על שהסליא עונותיו של משפחתו שאול על שהשאיל עצמו לדבר עבירה בן הכנענית על שעשה מעשה כנען ומה שמו שלומיאל בן צורישדי שמו:

י אמר ר' חייא בר (אבא) [אבויה] כתוב על גולגלתו של יהויקים זאת ועוד אחרת זקנו דר' פרידא אשכח ההוא גולגלתא דהוה שדיא בשערי ירושלים והוה כתיב עילויה זאת ועוד אחרת קברה

לוי שקלא כמעשה דינה דכתיב שמעון ולוי אחי דינה, ויקחו שני בני יעקב שמעון ולוי אחי דינה איש חרבו...

[Commentary (פירוש):]

לוי שקלא כמעשה דינה דכתיב שמעון ולוי אחי :

בן משיב חמה. אהרן במעשה דקרח דכתיב כי יצא הקצף וכתיב ויתן את הקטורת : אבי אמו. יתרו דאלעזר אבי פנחס לקח מבנות יתרו דכתיב ואלעזר בן אהרן לקח לו מבנות פוטיאל לו לאשה ומפרש באגדה פוטיאל זה יתרו שפטם עגלים לע"ז ואמריק בסוטה פוטיאל זה בנו של יוסף שפטפט ביצרו ומסיקנן אי אבוה דאימיה מיתרו ואימיה דאימיה מיוסף אי אבוה דאימיה מיוסף ואימיה דאימיה מיתרו דיקא נמי דכתיב פוטיאל ולא פוטאל : וראויה כפרה זו. שעשה פנחס : שתהא מכפרת לעולם. דכתיב ברית כהונת עולם תחת אשר קנא לאלהיו ויכפר (דכפרה זו לעולם עומדת לזכרון טוב לישראל) : הסליא. גרם שיזכרו ויספרו לשון לא תסולה בכתם אופיר ואומר המסולאים בפז שהיו מעריכין עצמן כפז ואת זה את משפחתו שלו בניאופים נ"א גרם לחפש ולדקדק אחר עונם לשון מסלסל בשערו : מעשה כנען. זונה כדאמרינן בע"פ חמשה דברים צוה כנען את בניו אהבו את הזמה :

זאת ועוד אחרת. זאת נעשית בה כבר ועוד אחרת תעשה בה : זקנו דרבי פרידא. סבא ר'

אהעק שטויסען פינחסן. האט גאט צו זיי גזאגט לאזט אים. ער איז א קנאי דער זוהן פון א קנאי ווער איז אין כעס אויף זנות (פון זמרי מיט כזבי). אונ זיין פאטער לוי איז אויך געוועזן אין כעס אויף זנות (פון דינה מיט שכם). ער איז א משיב חמה דער זוהן פון א משיב חמה. ער האט געשטילט מיין כעס פון דיא יודין איצט. אונ זיין פאטער האט אויך געשטילט מיין כעס פון דיא יודין ביי דער מעשה פון קרח ווען אהרן האט אויף געהאלטין דיא מגפה מיט דיא קטרת. דער נאך האבין דיא שבטים אנגיהויבין צו פארשעמען פנחסן אונ זייא האבין גיזאגט האט איהר גיזעהן וואס דער זוהן פון דעם שטאפער האט גיטאהן. דער פאטער פון זיין מוטער וואס איז גיוועזן יתרו האט גישטאפט קעלבער מען זאל זייא מקריב זיין צו דיא עבודה זרה. זאל ער הרגנן א נשיא פון א יודישען שבט. איז גיקומען דער פסוק אונ האט גישטעלט דעם יחוס פון פנחס. פנחס איז דער זוהן פון אלעזר. אונ אלעזר איז דער זוהן פון אהרן הכהן. האט גאט גיזאגט צוא משה זאג דוא פריער שלום צוא פנחסן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דריבער (זאלסטו) זאגין צו פנחסן איך גיב צו איהם מיין בעריהייט אז ער וועט אייביג האבין שלום אונ דאס פארגעבונג איז ווערט זיא זאל אייביג פארגעבין אויף דיא יודין. רבי יוחנן זאגט פינף נעמען האט ער גיהאט זמרי בן סלוא (איז צווייא). שאול בן הכנענית (איז צווייא). אונ שלומיאל בן צורי שדי (איז איינס). זמרי האט מען איהם גירופין ווייל דורך דעם וואס ער האט פיל מאהל (פיר הונדערט מיט פיר אונ צוואנציג מאהל) בועל גיוועזן דיא זונה כזבי. איז דיא זרע אין איהם צו מישט גיווארין כביצה המוזרת. אזוי וויא א רויע איי וואס א הון איז אויף איהר גיזעסין. בן סלוא האט מען איהם גירופין. ווייל דורך איהם איז דער מאנט גיווארין די עבירות פון זיין משפחה. שאול האט מען איהם גערופין. ווייל ער האט זיך פארבארגט צו מאהן עבירות. בן הכנענית האט מען איהם גירופין. ווייל ער האט גיטאהן אזוי וויא כנען. ער האט מזנה גיוועזן. זיין נאמען איז גיוועזן שלומיאל בן צורישדי:

י אמר. רבי חייא בר אבויה האט גיזאגט אויף דיא קאפ פון יהויקים איז גיוועזן געשריבען זאת ועוד אחרת. (דיא נקמה איז שוין גיטאהן גיווארין מיט דיא קאפ. אונ נאך א נקמה וועט מיט איהר גיטאהן ווערין). דער זיידע פון רבי פרידא האט גיפונען א קאפ איז גילעגין אין דיא טויערין פון ירושלים. אונ אויף דיא קאפ איז גיוועזן געשריבען זאת ועוד אחרת. האט דער זיידע

קברה והדר נבוג קברה והדר נבוג אמר דילמא האי גולגלתא של יהויקים דכתיב ביה (ירמיה כב) קבורת חמור יקבר סחוב והשלך מהלאה לשערי ירושלים אמר מלכא הוא ולאו אורח ארעא לבזוייה שקלה כרכה בשיראי ואותביה בסיפטא אתאי דביתהו חזיתה נפקת אמרה להו לשיבבתהא אמרי לה האי דאתתא קמייתא היא דלא קא מנשי לה שנרתא להנורא וקלתה כי אתא אמר היינו דכתיב עילויה זאת ועוד אחרת :

הייא כי אבויה והכי אמרינן בתלמוד : נבוג : גולגלת ואינה מקבורתה : קבורת חמור . מושלך בדרכים : בסיפטא . אי גו : לשיבבתהא . אל שכנותיה : דלא קא מנשי לה . אינה נשכחת מלבה : שנראה להנורא . הכירה את בעלה :
מה מכה בהמה לרפואה . כגון מקיז דם פטור מן התשלומין שהרי לא הזיקה : אף מכה אדם . דהיינו אביו : לרפואה פטור . ממיתה ולע"ג דתבורה סוא : ואהבת לרעך כמוך . לא הוזכרו

אלו הן הנחנקין פרק עשירי

(דף פד ע"ב) **א איבעיא** להו בן מהו שיקיז [דם] לאביו רב מתנה אמר (ויקרא יט) ואהבת לרעך כמוך רב דימי בר חנינא אמר מכה אדם ומכה בהמה מה מכה בהמה לרפואה פטור אף מכה אדם לרפואה פטור . רב לא שביק לבריה למישקל ליה

פון רבי פרידא גינומען די קאפ אונ האט איהר בגראבן . איז די קאפ צוריק ארויס פון דער ערד . האט ער זיא נאך אמאהל בגראבן ; איז זיא נאך אמאהל ארויס פון דער ערד : האט ער גיזאגט טאמער איז דאס די קאפ פון יהויקים . וואס ביי איהם שטייט ער וועט בגראבן ווערין וויא מען בגראבט אאייזיל . מען וועט איהם אוועק שלעפן אונ אוועק ווארפין ווייטער פון די טויערין פון ירושלים . האט דער זיידע פון רבי פרידא גיזאגט ער איז דאך גיוועזן אמלך איז ניט שיין מען זאל איהם פארשעמען . די קאפ זיינע זאל ליגען אויף די גאס . האט ער גינומען די קאפ אונ האט איהר איינגעוויקולט אין זיידינס אונ האט איהר אריין גילייגט אין אקאסטין . איז גיקומען די ווייב זיינע אונ האט גיזעהן וויא דער מאן לייגט אריין די קאפ אין קאסטין האט זיא דאס דער ציילט צו איהרע שכנות (צו די ווייבער וואס וואהנען נאנט פון איהר) . האבין די ווייבער צו איהר גיזאגט די קאפ איז פון דיין מאנס ערשטע ווייב . ער האט בעהאלטין איהר קאפ ער זאל אן איהר ניט פארגעסין . האט זיא אויס גיהייצט אין הויבין אונ האט פאר ברענט דעם קאפ : אז איהר מאן איז גיקומען אונ ער האט גיזעהן דער קאפ איז פאר ברענט גיווארין . האט ער גיזאגט דאס איז וואס אויף דעם קאפ איז גיוועזן געשריבען זאת ועוד אחרת (די נקמה איז שוין גיטאהן גיווארין מיט די קאפ . אונ נאך אנקמה וועט מיט איהר גיטאהן ווערין) :

פרק עשירי

א איבעיא . מען האט גיפרעגט אויב אזוהן מעג עפענען אאדער פון זיין פאטער עס זאל ארויס גיין בלוט . וועט דער פאטער גיהיילט ווערין · רב מתנה זאגט עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ליב האבין דיין חבר וויא ליב דוא האסט דיך אליין . אזוי וויא אז דער מענטש אליין וואלט קראנק גיוועזן . וואלט ער גיעפינט זיין אדער עס זאל ארויס גיין בלוט ער זאל גיזונד ווערין . אזוי מעג ער עפענען דעם אדער פון זיין חבר עס זאל ארויס גיין בלוט דער חבר זאל גיזונד ווערין . אונ אזוי מעג ער עפענען דעם אדער פון זיין פאטער אויך . רב דימי בר חנינא זאגט עס שטייט אין פסוק אז מען שלאגט אמענטשין אונ מען שלאגט אבהמה (די ביידע דינים שטייען איינס נעבין דאס אנדערע) . אזוי וויא אז מען שלאגט אבהמה (מען לאזט פון איהר בלוט) זיא זאל געזונד ווערין . דארף מען ניט בצאהלין . ווארום ער האט דאך דעם בעל הבית גיטאהן אטובה . אזוי אז איינער שלאגט אמענטשין (ער עפינט איהם אאדער פון איהם זאל ארויס גיין בלוט) ער זאל גיזונד ווערין : אפילו פון זיין פאטער : מעג מען אויך . רב אז אין זיין

ליה סילוא מר בריה דרבינא לא שביק לבריה למפתח ליה כוותא דילמא חביל והוה ליה שגגת איסור אי הכי אחר נמי אחר שגגת לאו בנו שגגת חנק :

(דף פו ע"ב) **ב משנה** זקן ממרא ע"פ ב"ד שנאמר (דברים יז) כי יפלא ממך דבר למשפט וגו' ושלשה בתי דינין היו שם אחד יושב על פתח הר הבית ואחד יושב על פתח העזרה ואחד יושב בלשכת הגזית באים לזה שעל פתח הר הבית ואומר להם כך דרשתי וכך דרשו חברי כך למדתי וכך למדו חברי אם שמעו [אומרים] להם ואם לאו (אלו ואלו) באים לאותו שעל פתח העזרה ואומר כך דרשתי וכך דרשו חברי כך למדתי וכך למדו חברי אם שמעו אמרו להם ואם לאו אלו ואלו באים לבית דין

ישראל מלמדות לחבריהם אלא דבר שאינו חפץ לעשות לעצמו : סלוא קוץ ישב לו בבשרו : למפתח ליה כוותא . כויה להוציא ליחה הימנה : אי הכי אחר נמי . לא ליפתח שהרי כל ישראל הוזהרו על חבלת חבירו דכתיב לא יוסיף פן יוסיף : שגגת לאו . בשאין מתכוין הוי שגגה באיסור שזדונו לאו בעלמא דקיל :

ג' בתי דינין היו שם בירושלים דמשתעי בה קרא וקמת ועלית : אחד יושב על פתח הר הבית . הוא שער המזרחי שלפנים מן החיל לפני עזרת נשים : ואחד יושב . למעלה הימנו כשעברו עזרת נשים ובאין לעזרת ישראל : ואחד בלשכת הגזית . שהיא בנויה בתוך העזרה חציה בקודש וחציה בחול כדאמרינן בסדר יומא : באין לזה שעל פתח הר הבית . זקן זה שהורה בעירו ונחלק ב"ד שבעירו עליו

לייב האט געשטעקט אשטיקול האליץ אונ מען האט דאס גידארפט ארויס נעמען . האט ער ניט גילאזין דעם זוהן ער זאל דאס ארויס נעמען : מר בריה דרבינא אז ער האט גיהאט אמכה אונ מען האט איר גידארפט עפענען דיא מאטעריע זאל ארויס גיין . האט ער ניט גילאזין דעם זוהן ער זאל עפענען דיא מכה . טאמער וועט דיא מכה ערגער ווערין ; וועט דער זוהן האבען גיטאהן אעבירה אומגערין . פרעגט דיא גמרא אויב אזוי דארף דאך אין אנדערער אויך ניט עפענען די מכה . ווארום יעדער יוד איז פרבאטען ער זאל נישט מאכען אוואונד צו זיין חבר . ענפערט די גמרא אז אפרעמדער מאכט זיין חבר אוואונד אומגערין . האט ער גיטאהן אומגערין אעבירה פון אלאו . אבער אז אזוהן מאכט אוואונד צוא זיין פאטער אומגערין ; האט ער גיטאהן אומגערין אעבירה פון חנק :

ב משנה . זקן . אויב איינער וויל ניט פאלגין וואס דער בית דין פון בית המקדש האט גיפסקת . קומט אים חנק . ווארום עס שטייט אין פסוק אז עס וועט זיין פר הוילען אזאך פון דיר צום משפט . דאס מיינט מען אויב עס וועט דיר זיין אספק אין אדין . דוא ווייסט ניט וויסען ווי צו משפטין . [אזוי וויא עס שטייט אין דיא סדרה שופטים] . זאגט דיא משנה דרייא ערליי בית דין זענען גיוועזען אין ירושלים . איין בית דין איז גיזעסען ביי דעם טויער ווי מען גייט ארויף אויף דעם בארג וואס אויף אים איז דער בית המקדש גישטאנען . דער אנדערער בית דין איז גיזעסען ביי דיא טיר וויא מען גייט אריין אין דיא עזרה ; אונ דער דריטער בית דין איז גיזעסען אין דיא שטוב וואס מען רופט איר לשכת הגזית . דער זקן וואס האט געקריגט מיט דעם בית דין פון זיין שטאט . אונ מען האט ניט געוואוסט וויא דער דין איז . זענען גיקומען אין ירושלים צו דעם בית דין וואס זיצט ביי דעם טויער וויא מען גייט ארויף אויף דעם בארג . אונ דער זקן זאגט אזוי האב איך גידרשת דעם פסוק . אונ אזוי האבען מיינע חברים גידרשת דעם פסוק . אזוי האב איך גילערונט דעם דין . אונ אזוי האבען מיינע חברים גילערונט דעם דין . אויב דער בית דין וואס זענען גיזעסען ביי דעם טויער האבען געוואוסט דעם דין . זאגען זיי ווי זייא ווייסען . אונ אויב זייא ווייסען אויך ניט . קומען זייא צו דעם בית דין וואס זיצען ביי דיא טיר פון דיא עזרה . אונ דער זקן זאגט אזוי האב איך גידרשת דעם פסוק . אונ אזוי האבען מיינע חברים גידרשת דעם פסוק . אזוי האב איך גילערונט דעם דין . אונ אזוי האבען מיינע חברים גילערונט דעם דין . אויב דער בית דין פון דיא עזרה האבען געוואוסט דעם דין . זאגין זייא וויא זייא ווייסען . אונ אויב זייא ווייסען אויך ניט זענען אלע דיינים פון דיא ביידע ערליי בית דין גיקומען צו דעם גרויסען בית דין וואס זיצען אין דיא שטוב וואס הייסט

דין הגדול שבלשכת הגזית שמשם תורה יוצאת לכל ישראל שנאמר (שם) מן המקום [ההוא] אשר יבחר ה' חזר לעירו ושנה ולמד כדרך שהיה לומד פטור ואם הורה לעשות חייב שנאמר (שם) והאיש אשר יעשה בזדון לבלתי שמוע אינו חייב עד שיורה לעשות תלמיד שהורה לעשות פטור נמצא חומרו קולו:

והזקיקם הכתוב לעלות לירושלים ולשאול (ובא ב"ד) [ובאין הוא וב"ד] שבעירו לב"ד זה שעל פתח הר הבית שהכי בו פוגעין תחלה: תלמיד שהורה לעשות. תלמיד שלא הגיע להוראה ונחלק על ב"ד שבעירו ובא לב"ד הגדול ושאל וחזר לעירו והורה כבתחלה: פטור. שאין נסמך על הוראתו והחוקה לא חייבה אלא מופלא ומומחה לב"דו כדאמרינן בגמ': נמצא חומרו קולו. חומר שהחמיר עליו שאינו ראוי להוראה עד שיהא בן ארבעים

(דף פח ע"ב) ג תניא א"ר יוסי מתחלה לא היו מרבין מחלוקת בישראל אלא ב"ד של שבעים ואחד יושבים בלשכת הגזית ושני בתי דינין של עשרים ושלשה אחד יושב על פתח הר הבית ואחד יושב על פתח העזרה ושאר בתי דינין של כ"ג יושבים בכל עיירות ישראל הוצרך הדבר לשאול שואל מב"ד שבעירו אם שמעו אמרו להם ואם לאו באים לזה שסמוך לעירו אם שמעו אמרו להם ואם לאו באים לזה שעל פתח הר הבית וכו'

לשכת הגזית. פון דיא שטוב איז ארויס גיגאנגען דאס לערנונג צו אלע יודין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פון דעם ארט וואס גאט וועט אויס דער וויילין וועט מען לערנען אלע דינים. אונ אויב דער זקן איז גיגאנגען צוריק אין זיין שטאט אונ האט גילערנט דעם דין אזוי ווי ער הט פריער גילערנט. אונ ער הט ניט חרטה. אונ פאלגט ניט דעם בית דין פון לשכת הגזית וואס זייא האבען גיפסקנט אנדערש וויא ער: פון דעסטוועגין דארף מען איהם ניט הרגנן. אבער אז ער האט גיפסקנט צוא אנדערע מענטשין זייא זאלין טאהן אזוי וויא ער זאגט. קומט אים מיתה. ווארום עס שטייט אין פסוק אונ דער מענטש וואס וועט טאהן גערין ניט צו פאלגין דעם בית דין פון לשכת הגזית קומט אים מיתה. נאר עס קומט אים אנדערש ניט קיין מיתה סיידין ער פסקנט מען זאל אזוי טאהן. אונ אויב א תלמיד וואס ער פסקנט נאך ניט קיין דין הט געקריגט אויף דעם בית דין פון זיין שטאט. אונ זייא זענען גיוועזען אין ירושלים ביי דעם בית דין פון לשכת הגזית. אונ ער איז גיקומען צוריק אהיים אונ ער פסקנט ניט וויא דער בית דין פון לשכת הגזית. נאר אזוי וויא ער האט פריער גילערנט. אונ ער פסקנט מען זאל אזוי טאהן. פון דעסטוועגין דארף מען אים ניט הרגנן. ווארום אפילו ער וואלט גוט פסקנן דארף מען אויך ניט פרעגין ביי אים א שאלה. ווייל ער איז נאך ניט קיין מורה הוראה אונ ניט קיין דיין. ער איז נאר א תלמיד. ווערט גיפונען אז דיא שווערקייט מאכט אים גרינג. די עבירה וואס ער הט גיטאהן צוא פסקנן דינים וואס ער טאר ניט פסקנן: ווייל ער איז נאך א תלמיד. דאס מאכט אים פטור פון דיא עבירה וואס ער פאלגט ניט דעם בית דין פון ירושלים. מען זאל אים ניט הרגנן. ווארום דיא תורה שמועסט נאר פון א מורה הוראה אונ פון א דיין. אבער ניט פון א תלמיד:

ג תניא. מיר האבען גילערנט רבי יוסי זאגט אין אנהייב הט מען ניט גימאכט פיל קריג ביי יודין. נאר דער בית דין פון איין אונ זיבעציג דיינים זענען גיזעסן אין לשכת הגזית. אונ עס איז גיוועזען נאך צוויי בית דינס וואס אין יעדער בית דין איז גיוועזען דריי אונ צוואנציג דיינים. איין בית דין איז גיזעסן ביי דעם טויער פון בארג [עיין סי מן ב]. אונ איין בית דין איז גיזעסין ביי דיא טיר פון דיא עזרה. אונ אין יעדער שטאט וואו יודין האבען גיוואוהנט איז גיוועזען א בית דין פון דריי אונ צוואנציג דיינים. אז איינער האט גידארפט פרעגין א דין. הט ער גיפרעגט ביי דעם בית דין וואס אין זיין שטאט. אויב דער בית דין הט גיוואוסט דעם דין. האבען זייא גיזאגט. אונ אויב זייא האבען ניט גיוואוסט. זענען זייא גיקומען צו דעם בית דין וואס אין דיא אנדערע שטאט (וואס זענען גיוועזען נאנט צו דיא שטאט). אויב דער אנדערער בית דין האבען גיוואוסט דעם דין האבען זייא גיזאגט. אונ אויב זייא האבען אויך ניט געוואוסט דעם דין זענען זייא גיקומען צוא דעם בית דין וואס איז גיזעסן ביי דעם טויער פון

וכו' עד באים ללשכת הגזית ששם יושבים מתמיד של שחר עד תמיד של בין הערבים ובשבתות ובימים טובים יושבים בחיל נשאלה בפניהם אם שמעו אמרו להם ואם לאו עומדין למנין רבו המטמאין טמאו רבו המטהרין טהרו משרבו תלמידי שמאי והלל שלא שמשו כל צרכן רבו מחלוקת בישראל ונעשית התורה כשתי תורות משם כותבין ושולחין בכל מקומות כל מי שהוא חכם ושפל ברך ודעת הבריות נוחה הימנו יהא דיין בעירו משם מעלין אותו להר הבית משם לעזרה משם ללשכת הגזית :

ד שלחו מתם אי זה בן עה"ב ענוותן ושפל ברך שייף עייל שייף ונפיק וגריס באורייתא תדירא ולא מחזיק טיבותא לנפשיה יהבו ביה רבנן עינייהו ברב עולא בר אבא ת"ר

שמה נעשה לו קל לפוטרו מן המיתה : יושבים בחיל . מפני שהעם רב ומקום צר להם בלשכה א"נ שלא יהו נראין כיושבין בדין שבלשכת הגזית היו דנין וזה עיקר : משם מעלין אותו . להיות דיין בהר הבית כשמת אחד מהם ויושב שם עד שמת אחד משל עזרה ומעלין את זה שם וכולן יש בהם מעלה זה מזה : שייף. שוחה נכנס ושוחה יוצא והכי אמרינן בב"ב גבי תקרת הבית שנתבקעה שוף עול שוף פוק :

בארג. אויב זייא האבען געוואוסט דעם דין האבען זייא גזאגט. אונ אויב זייא האבען אויך ניט געוואוסט דעם דין. זענען זייא גיקומען צו דעם בית דין וואס איז גיזעסען ביי דיא טיר פון דיא עזרה. אויב זייא האבען געוואוסט דעם דין האבען זייא גזאגט. אונ אויב זייא האבען אויך ניט געוואוסט דעם דין. זענען זייא גיקומען צו דעם בית דין וואס איז גיזעסען אין לשכת הגזית. זייא זענען דארט גיזעסען פון דער צייט וואס מען האט מקריב גיוועזן דעם תמיד פון דער פריא ביז מען האט מקריב גיוועזן דעם תמיד פארין נאכט: שבת אונ יום טוב זענען זיי גיזעסען אין דער שטוב וואס הייסט חיל. אז איינער האט גיפרעגט ביי זייא אדין [למשל ער האט גיפרעגט אויב דיא זאך איז טהור אדער טמא] אויב זייא האבען שוין געוואוסט דעם דין. האבען זייא גזאגט. אונ אויב זייא האבען נאך ניט געוואוסט דעם דין. [למשל אנדערע דיינים האבין גיזאגט טמא. אונ אנדערע דיינים האבען גזאגט טהור]. האט מען גיציילט דיא דיינים. אויב דיא דיינים וואס האבען גזאגט טמא זענען גיוועזן מער פון דיא דיינים וואס האבען גזאגט טהור. הט מען גיפסקת טמא. אונ אויב דיא דיינים וואס האבען גזאגט טהור זענען גיוועזן מער פון דיא דיינים וואס האבען גזאגט טמא. הט מען גיפסקת טהור. וויא עס איז אבער גימערט גיווארין דיא תלמידים פון שמאי אונ פון הלל. וואס זייא האבען ניט בדינט זייערע רבים אזוי וויא מען דארף. האט זייא גיפעלט פיל זאכען וואס זייא האבען ניט געוואוסט וויא דער דין איז. אונ זייא האבען אן גיהויבען אליין צו פסקנן. דיא האבען גזאגט כשר אונ די האבין גזאגט טרייף. דיא האבען גזאגט חייב אונ דיא האבען גזאגט פטור. איז גיווארין פיל קריג ביי דיא יודין. אונ דיא תורה איז גיווארין וויא צוויי תורות. פון לשכת הגזית פלעגט מען שרייבען בריף אונ מען פלעגט אוועק שיקען אין אלע שטעט. דער מענטש וואס איז א חכם. אונ ער איז קליין ביי זיך. אונ אלע מענטשין האבען אים ליב. מעג ער זיין א דיין אין זיין שטאט. אונ אז איינער פון דיא דיינים וואס זענען גיזעסען ביי דעם טויער פון בארג איז גישטארבען. האט מען אים גיברייגט פון זיין שטאט אונ מען האט אים גיזעצט צווישען דיא דיינים אויף דעם גישטארבענעמס ארט. אונ אז איינער פון דיא דיינים וואס זענען גיזעסען ביי דיא טיר פון דיא עזרה איז גישטארבען. הט מען איהם גיזעצט אויף דעם גישטארבענעמס ארט. אונ אז איינער פון דיא דיינים וואס זענען גיזעסען אין לשכת הגזית איז גישטארבין. האט מען איהם גיזעצט אויף דעם גישטארבענעמס ארט. אזו איז דר דיין אלע מאהל גרעסער גיווארין :

ד שלחו׳ מען האט געשיקט פון ארץ ישראל. וועלכער מענטש וועט געווים האבען עולם הבא. דער וואס איז ביי זיך קליין אונ נידעריג. ער גייט אריין אין בית המדרש איינגיבויגען. אונ ער גייט ארויס פון בית המדרש איינגיבויגען. אונ ער לערונט תורה שטענדיג. טאג אונ נאכט. אונ ער זאגט ניט איך האב שוין גענוג תורה גילערונט. איך מעג מיך שון אביסול אפ

(דף פט) **ה ת"ר** ד' צריכין הכרזה מסית ובן סורר ומורה וזקן ממרא ועדים זוממים בכולהו כתיב בהו וכל העם וכל ישראל בעדים זוממים כתיב והנשארים דלאו כולי עלמא חזו לסהדותא:

ותנו רבנן שלשה מיתתן בידי אדם המתנבא מה שלא שמע וכו' כגון צדקיה בן כנענה דכתיב (מ"א כב) ויעש לו צדקיה בן כנענה קרני ברזל מאי הוה ליה למעבד רוח נבות אטעיתיה דכתיב (שם) ויאמר ה' מי יפתה את אחאב ויעל ויפול ברמות גלעד ויצא הרוח ויעמוד לפני ה' ויאמר אני אפתנו ויאמר תפתה וגם תוכל צא ועשה כן אמר רבי יהודה מאי צא צא ממחיצתי מאי רוח א"ר יוחנן רוחו של נבות היזרעאלי. הוה ליה למידק כדרבי יצחק דא"ר יצחק סגנון

[הכרזה. פלוני מת בב"ד על שעבר עבירה זו כדי לרדות את האחרים: וכל ישראל. ישמעו ויראו: ובעדים זוממים כתיב והנשארים. ישמעו ויראו משום דלא שייך [למיכתב] וכל העם דלאו כ"ע חזו לסהדותא שיש גזלנין ומלוי ברבית ומשחקין בקוביא שהן פסולין לעדות:
[צדקיה בן כנענה היה מתנבא לאחאב שיגלח את ארם] ויצא הרוח ויאמר אני אפתנו. הנה והייתי רוח שקר בפי כל נביאיו: (צא ממחיצתי.

חוהען. דער מענטש וועט געווים האבען עולם הבא. די רבנן האבען גיגעבין זייערע אויגען אויף רב עולא בר אבא. אז ער האט די אלע מדות:

ה תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט אויף פיר מענטשין דארף מען פריער אויסרופען דער מענטש ווערט גיהרגת דורך בית דין וייל ער הט גיטאהן דיא עבירה. אונ דאס זענען די פיר מענטשין. אז איינער ווערט גיהרגת ווייל ער האט אן גירעט אמענטשין צוא דינען עבודה זרה. אונ אבן סורר ומורה [אזוי וויא עס שטייט אין דיא סדרה כי תצא]. אונ אזקן ממרא [וויא עס שטייט אין סימן בו]. אונ פאלשע עדות וואס האבען גיוואלט מען זאל הרגנן אמענטשין. ביי דיא אלע דריי שטייט דיא גאנצע פאלק אלע יודין זאלין הערין פר וועלכע עבירה דער מענטש ווערט גיהרגת. וועלין זייא זיך היטען ניט צוא טאהן דיא עבירה. אונ בייא די פאלשע עדות שטייט אונ דיא געבליבענע זאלין הערין וועלין זייא מורא האבען. פר וואס שטייט די געבליבענע. אונ עס שטייט ניט אלע יודין. ווייל ניט אלע יודין זענען כשר עדות צוא זאגין ומשל גזלנים. די וואס פר בארגין געלט אויף פראצענט. די וואס האנדלען מיט פירות פון שמטה. זענען פסול צו זיין עדות:

ו תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט דרייא ערלייא מענטשין ווערין גיהרגת דורך מענטשין [דורך בית דין]. דער וואס זאגט נביאות וואס ער האט ניט גיהערט פון גאט. נאר ער האט אוים גיטראכט אליגען אונ ער זאגט גאט האט דאס אים גיהייסען זאגין. אזוי וויא צדקיה בן כנענה האט גיטאהן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק צדקיה בן כנענה הט גימאכט אייזערנע הערנער אונ ער הט גזאגט צום מלך אחאב אזוי האט גאט גזאגט מיט די הערנער וועסטו שטויסען דעם פאלק ארם ביז דוא וועסט זייא פאר לענדין. אונ עס איז גיוועזן ליגען גאט האט דאס אים גאר ניט גזאגט. פרעגט דיא גמרא וואס איז צדקיה בן כנענה שולדיג גיוועזן אז דיא נשמה פון נבות האט אים גינארט. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט הט גזאגט ווער וועט אן ריידין דעם מלך אחאב ער זאל גיין מלחמה האלטען מיט ארם. אונ ער זאל פאלען אין רמות גלעד. איז ארוים גיגאנגען אנשמה אונ האט זיך גישטעלט פאר גאט אונ האט גזאגט איך וועל אים אן ריידן. האט גאט גזאגט רייד אים אן. אונ דוא וועסט איהם קענען אן ריידן [ער וועט דיך פאלגין]. גיי ארוים אונ טוה אזוי. רב יהודה זאגט וואס מיינט מען גיי ארוים. דוא זאלסט ארוים גיין פון דעם ארט וואס איך בין דארטין ווייל דיא נשמה איז גיגאנגען זאגן צו אלע נביאים פאלשע נביאות. אז אחאב וועט איין נעמען דיא מלחמה. אונ דער וואס זאגט ליגען טאר ניט גיזעהן ווערין פאר גאט. ווער איז גיוועזן דיא נשמה. רבי יוחנן זאגט דאס איז גיוועזן דיא נשמה פון נבות היזרעאלי. וואס אחאב האט אים גיהרגת. איז דאך אקשיא פון וואנען האט צדקיה גיקענט וויסען אז דיא נבואה איז אפאלשע. ענפערט

משום דובר שקרים לא יכון לנגד עיני) : סגנון. דבר מליצות של רוח הקדש : עולה לכמה נביאים. נכנס בלבם לזה בלשון זה ולזה בלשון זה והכל א' כמו זדון לבך השיאך : (תפלצתך השיא אותך. היינו דיבור אחד ולשון אחר הפלצתך כסילות : לאו כלום קאמרי. שכולם לשון אחד היו אומרים דכתיב הנה כל הנביאים פה אחד טוב והוה ליה לצדקיהו בן כנענה לאסוקי אדעתיה דרוח טומאה מטעה אותם : אמר ליה אהאב. הא איכא כל הני : מבית

סגנון אחד עולה לכמה נביאים ואין שני נביאים מתנבאים בסגנון אחד. עובדיה אמר (עובדיה) זדון לבך השיאך. ירמיה אמר (ירמיה מט) תפלצתך השיא אותך זדון לבך והני מדקאמרי כולהו בהדדי ש"מ לאו כלום קאמרי. דלמא לא הוה ידע ליה להא דר' יצחק יהושפט הוה התם וקאמר להו דכתיב (מ"א כב) ויאמר יהושפט האין פה נביא עוד לה' א"ל הא איכא כל הני א"ל כך מקובלני מבית אבי אבא סגנון אחד עולה לכמה נביאים ואין שני נביאים מתנבאים בסגנון אחד:

ז המתנבא מה שלא נאמר לו כגון חנניה בן עזור דקאי ירמיה בשוק העליון וקאמר (ירמיה מט) כה אמר ה' הנני שובר את קשת עילם נשא חנניה ק"ו בעצמו ומה עילם שלא באה אלא לעזור את בבל אמר הקב"ה הנני שובר את קשת עילם כשדים

דיא גמרא צדקיה האט דאס יא געקענט וויסען. ווארום רבי יצחק הט גזאגט איין נבואה קומט אריין אין הארצען פון פיל נביאים. דיא זאך איז איינס. נאר צו יעדער נביא קומט די נבואה מיט אנדערע ווערטער. אפילו צוויי נביאים זאגן ניט איין נבואה מיט גלייכע ווערטער. נאר יעדער נביא זאגט דיא נבואה מיט אנדערע ווערטער. אזוי וויא מיר געפינען עובדיה האט גזאגט זדון לבך השיאך (דיא שלעכטיקייט פון דיין הארץ האט דיך אן גירעט). ירמיה האט גיזאגט תפלצתך השיא אותך זדון לבך (דיין נארעשק יט אונ דיא שלעכטקייט פון דיין הארץ הט דיך אן גירעט). עובדיה מיט ירמיה האבען ביידע גזאגט איין זאך נאר יעדער האט גזאגט אנדערע ווערטער. אונ אז צדקיה בן כנענה האט גיהערט אז אלע נביאים זאגן דיא נבואה מיט גלייכע ווערטער האט ער גידארפט פאר שטיין אז דאס איז אפאלשע נביאות: פרעגט דיא גמרא טאמער האט צדקיה בן כנענה ניט געוואוסט וואס רבי יצחק הט גזאגט. נאר ער הט גימיינט אז אנבואה קומט צו אלע נביאים מיט גלייכע ווערטער. ענפערט דיא גמרא דער מלך יהושפט איז דארטן גיוועון. האט ער זייא גזאגט וואס רבי יצחק האט גזאגט. וואר וב עס שטייט אין פסוק יהושפט האט גזאגט צו אחאב איז שוין דא נישט מער דא נאך נביאים פון גאט. הט אחאב גזאגט צוא יהושפט דא שטייען דאך אזוי פיל נביאים. זענען דען דיא ווייניג. האט יהושפט גזאגט צוא אחאב אזוי האב איך גילערונט פון מיין זיידין איין נבואה קומט אריין אין הארצען פון פיל נביאים. די זאך איז איינס. נאר צו יעדער נביא קומט די נבואה מיט אנדערע ווערטער. אפילו צוויי נביאים זאגן ניט איין נבואה מיט גלייכע ווערטער. אונ דא זענען אזוי פיל נביאים אונ אלע רייהן דיא נבואה מיט גלייכע ווערטער. איז אסימן אז דאס איז אפאלשע נבואה:

ז המתנבא. דער וואס זאגט אפילו אאמתע נבואה נאר גאט הט די נבואה ניט גזאגט צו אים. קומט אים אויך מיתה. אזו וויא חנניה בן עזור האט גיטאן. ירמיה הנביא איז גישטאנין אויף דיא אויבערשטע גאס אונ הט גיזאגט אזוי האט גאט גיזאגט איך וועל צו ברעכין דעם בויגין פון עילם. האט חנניה גילערונט אקל וחומר. מאדאך עילם וואס זיא איז ניט מער גיקומין נאר צוא העלפין בבל (זיא זאל חרוב מאכין ירושלים). האט גאט גיזאגט איך וועל צ ברעכין דעם בויגין פו עילם. דיא כשדים אליין וואס זיי האבין חרוב גימאכט ירושלים. זיי ווערט גאט געווים צו ברעכין. איז חנניה גיקומן אין דיא אונטערשטע גאס אונ האט גיזאגט אזו האט גאט גיזאגט איך האב צוא בראכין דעם יאך פון מלך בבל. האט רב פפא גיזאגט צוא אביי דיא נבואה איז דאך צו קיינעם ניט גיזאגט גיווארין. איז דאך דאס גיוועון גאר אפאלשע נבואה. האט אביי גיזאגט ווייל גאט האט גיהייסין דרשנן אקל וחומר. איז גלייך ווי דיא נבואה פון בבל איז גיזאגט

כשדים עצמן עאכ"ו אתא איהו בשוק התחתון אמר (שם כח) כה אמר ה' שברתי את עול מלך בבל א"ל רב פפא לאביי האי לחבירו נמי לא נאמר א"ל כיון (דיהיב) [דאתיהיב] ק"ו למידרש כמאן דאיתמר ליה דמי הוא ניהו דלא נאמר לו. המתנבא בשם ע"ז כגון נביאי הבעל. הכובש את נבואתו כגון יונה בן אמיתי. והמוותר ע"ד נביא כגון (ע"כ) חבריה דמיכה דכתיב (מ"א כ) ואיש אחד מבני הנביאים אמר אל רעהו וכתיב (שם) ויאמר לו יען אשר לא שמעת. ונביא שעבר על דברי עצמו כגון עדו הנביא דכתיב (שם יג) כי כן צוה אותי וכתיב (שם) ויאמר לו גם אני נביא כמוך וכתיב (שם) וישב אתו וכתיב (שם) וילך וימצאהו אריה:

אבי אבא לאו דוקא): המוותר על דברי נביא. האפיקורס שלא חשש למה שאמר לו הנביא: חבריה דמיכה. דכתיב ואיש אחד מבני הנביאים אמר אל רעהו בדבר ה' הכיני נא וזה היה מיכיהו בן ימלה שנתנבא אותו היום על אחאב ליפול ביד ארם מפני שנפל בן הדד בידו ושלחו לשלום והיינו דקאמר אחאב ליהושפט לא ידבר עלי טוב כי אם רע מפני שנתנבא כבר את זו עליו ולא קבל חברו את דבריו דכתיב (ולא אבה) [וימאן האיש להכותו]: עדו הנביא. שנתנבא על מזבח ה' בבית אל שהיה ירבעם מקטיר עליו ובד"ה גבי יאשיה כתיב והוא היה עדו: כי כן צוה אותי [בדבר ה' לאמר] לא תאכל לחם ולא תשתה מים (במקום הזה) ועבר על דברי עצמו ושמע לדברי הנביא שקר ואכל ושתה: תמרי בארבילא. תמרים שנהונים בכברה: דילמא

ה תני תנא קמיה דר"ח הכובש את נבואתו לוקה א"ל מאן דאכיל תמרי בארבילא לקי מאן מתרי

גיזאָרין צוא ירמיה וואָרום צוא ירמיה איז דאך גזאגט גיוואָרין דיא נבואה פון עילם. האט ער גיקענט לערנין אַקל וחומר פון עילם אויף בבל. אָבער צוא חנניה איז דאך ניט גזאגט גיוואָרין קיין נבואה. פון עילם אויך ניט. האט ער דיא נבואה אויף בבל געווים ניט גיטאָרט זאגין. אונ דער וואס זאגט נביאות אין דעם נאָמען פון עבודה זרה. אַזוֹ וויא דיא נביאים פון די עבודה זרות פלעגין זאגין. די עבודה זרה האט אונז גיהייסין זאגין דיא נביאות. קומט זייא מיתה. אונ דער נביא וואס גאט האט אים גיהייסין זאגין נביאות. אונ ער וויל ניט זאגין. אַזוֹ ווי יונה בן אמיתי האט גיטאָן ער איז אַוועק מיט אַשיף אויף דעם ים אונ איז אַנטלאָפין פון גאט. קומט אים מיתה. אונ דער וואס פאָלגט ניט דיא אֶמתע נבואה וואס גאט האט גיזאגט. אַזוֹ ווי דער חבר פון מיכה האט גיטאָן אַזוֹ וויא עס שטייט אין פסוק איין נביא פון דיא יונגע נביאים האט גיזאגט צוא זיין חבר גאט האט גיהייסין דוא זאלסט מיך שלאגין. האט דער חבר אים ניט גיוואָלט שלאגין. האט דער נביא גיזאגט צום חבר ווייל דוא האסט ניט גיוואָלט פאָלגין דיא רייד פון גאט. וועסטו אַוועק גיין פון מיר וועט דיך אַלייב הרגנין. אונ אַזוֹ איז גיוועזן. אונ אַנביא וואס האט גיהערט אַנביאות פון גאט אונ ער אַליין טוהט ניט זיינע נביאות. אַזוֹ וויא עדו הנביא האט גיטאָן. אַזוֹ וויא עס שטייט אין פסוק עדו הנביא האט גיזאגט גאט האט מיך גיבאָטין איך זאל אויף דעם אָרט ניט עסין ברויט אונ ניט טרינקען וואַסער. דער נאך איז גיקומען צו אים אַפאַלשער נביא אונ האט גיזאגט צו אים איך בין אויך אַנביא אַזוֹ וויא דוא אונ גאט האט צוא מיר גיזאגט איך זאל דיך צוריק אומקערין אין שטאט אונ דוא זאלסט דאָרט עסין ברויט אונ טרינקען וואַסער. אונ ער האט אים גיפאָלגט אונ איז גיגאנגין צוריק אונ האט דאָרט גיגעסין ברויט אונ גיטרונקען וואַסער. וויא ער איז צוריק אַוועק גיגאנגין פון שטאט. האט אים גיטראָפין אַלייב אונ האט אים גיהרגט:

ה תני. אתנא האט גילערונט פר רב חסדא דער נביא וואס האט גיהערט אַנביאות פון גאט. אונ ער באַהאַלט זייא אונ וויל ניט זאגין. קומט איהם מלקות. האט רב חסדא גיזאגט צום תנא דער וואס עסט טייטלען וואס ליגט אין אַזיפ. קומט איהם פאר דעם מלקות? אפילו דיא טייטלען זענען פרעמדע. קומט איהם אויך ניט קיין מלקות. ווייל קינער האט ניט גיזעהן ווי ער האט גיגעסין: האט דאך איהם קינער ניט גיזאגט עס ניט ווארום דיר וועט קומען מלקות. אונ דער דין איז מען שטראפט ניט ביז מען זאגט פריער צו יענעם דוא זאלסט דיא זאך ניט טאהן. ווארום אַז דוא וועסט יא טאהן וועסט דוא אַזוי גישטראפט ווערין. אונ דא ביא דיא

מתרי ביה. אמר אביי חבריה נביאי. מנא ידעי אמר אביי דכתיב (עמוס ג) כי לא יעשה ה' אלהים דבר כי אם גלה סודו ודלמא הדרי ביה אם איתא דהדרי ביה אודועי הוו מודעי לכולהו נביאיו והא יונה דהדרי ביה ולא אודעוהו יונה מעיקרא נינוה נהפכת א"ל איהו לא ידע אי לטובה אי לרעה. המוותר על דברי נביא מנא ידע דאיענש דיהב ליה אות והא מיכה דלא יהב ליה אות ואיענש היכא דמוחזק שאני דאי לא תימא הכי

הדרי ביה. שמגלה של מעלה ונחם על הרעה והם אינם יודעים והיאך מתרים בו התראת ספק: והא יונה דהדרי ביה. מהפוך את נינוה: מעיקרא נינוה נהפכת א"ל. ברוה"ק ומשמע נמי לטובה שיהפכו מעשיהם מרעה לטובה וכיון שכבר נתקיימה הנבואה ולא חזר בו מן הנבואה ואיהו דלא ידע הוא [היה] טועה וסבור שהוא לרעה: מנא ידע. האי גברא שזה נביא אמת שהקב"ה עושה והלא שמא סבור שזה נביא השקר לפיכך מותר על דבריו: היכא דמוחזק. שהוא צדיק

נְבִיאוֹת אִיז אוֹיךְ אַזוֹי: עֶס הָאט דָאךְ אִיהם קֵיינֶער נִיט גִיזָאגְט גֵיי זָאג דִיא נְבִיאוֹת. וָוארוּם אַז נִיט וֶועט דִיר קוּמֶען מַלְקוּת. הָאט אַבַּיֵי גִיזָאגְט זַיינֶע חֲבֵרִים דִיא נְבִיאִים זָאגִין אִיהם עֶר זָאל זָאגִין דִיא נְבִיאוֹת. אוּנ אוֹיבּ נִיט וֶועט אִיהם קוּמֶען מַלְקוּת. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא פוּן וַואנֶען וַוייסִין דִיא נְבִיאִים אַז עֶר הָאט אַנְבוּאָה צוּ זָאגִין. הָאט אַבַּיֵי גִיזָאגְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט טוּהט נִיט קֵיין זַאךְ אִין דֶער שְׁטִיל; נָאר עֶר זָאגְט זַיינֶע סוֹדוֹת צוּ דִיא נְבִיאִים גָאט זָאגְט צוּא אֵיין נָבִיא דִיא נְבִיאוֹת וָואס עֶר זָאל זָאגִין. אוּנ צוּ דִיא אַנדֶערֶע נְבִיאִים מַאכְט גָאט וִויסֶען אַז עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט דֶעם נָבִיא צוּ זָאגִין נְבִיאוֹת. וַוייסִין שׁוֹין אַלֶע נְבִיאִים אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט צוּ זָאגִין אַנְבִיאוֹת. אוּנ אַז דִיא נְבִיאִים זֶעהֶן דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט נִיט דִיא נְבִיאוֹת. זָאגִין זֵייא אִיהם אוֹיבּ דוּא וֶועסְט נִיט זָאגִין דִיא נְבִיאוֹת וֶועט דִיר קוּמֶען מַלְקוּת: פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא טָאמֶער הָאט מֶען אִין הִימֶעל שׁוֹין חֲרָטָה פוּן דִיא נְבִיאוֹת וָואס עֶר הָאט גִידַארְפְט זָאגִין. דַארְף דָאךְ אִיהם נִיט קוּמֶען מַלְקוּת. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא אַז מֶען וָואלְט אִין הִימֶעל חֲרָטָה גִיהַאט פוּן דִיא נְבִיאוֹת. וָואלְט מֶען גִימַאכְט וִויסֶען צוּ אַלֶע נְבִיאִים אַז דִיא נְבוּאָה וָואס אִיז גִיזָאגְט גִיוָוארִין צוּ דֶעם נָבִיא אִיז בָּטֵל. אוּנ אַזוֹי לַאנְג וִויא מֶען הָאט זֵייא נִיט גִיזָאגְט אַז דִיא נְבוּאָה אִיז בָּטֵל. הָאט מֶען פוּן דִיא נְבוּאָה נָאךְ נִיט חֲרָטָה. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא דִיא נְבִיאוֹת וָואס מֶען הָאט גִיזָאגְט צוּ יוֹנָה הָאט מֶען דָאךְ אִין הִימֶעל חֲרָטָה גִיהַאט. פַאר וָואס הָאט קֵיינֶער נִיט גִיוואוּסְט אַז מֶען הָאט חֲרָטָה גִיהַאט. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא בַּאלְד אִין אָנְהֵייבּ וֶוען מֶען הָט גִיזָאגְט דִיא נְבִיאוֹת צוּ יוֹנָה. הָאט מֶען אִיהם גִיזָאגְט נִינְוֵה וֶועט פַאר קֶערְט וֶוערִין. אִין דִיא וֶוערְטֶער אִיז גִימֵיינְט צוּ גוּטֶען. אַז יוֹנָה וֶועט זֵייא שְׁטְרָאפִין וֶועלִין זֵייא תְּשׁוּבָה טָאהְן. אוּנ זֵייא וֶועלִין פַארְקֶערְט וֶוערִין. פוּן רְשָׁעִים וֶועט וֶוערִין צַדִיקִים. אוּנ מֶען קֶען מֵיינֶען צוּם שְׁלֶעכְטִין אוֹיבּ זֵייא וֶועלִין נִיט תְּשׁוּבָה טָאהְן וֶועט דִיא שְׁטָאט פַאר קֶערְט וֶוערִין אַזוֹי וִויא סְדוֹם. אוּנ יוֹנָה הָאט נִיט גִיוואוּסְט וִויא מֶען מֵיינְט. צוּם גוּטֶען. אָדֶער צוּם שְׁלֶעכְטִין. הָאט עֶר גִיטְרַאכְט גֶעוִויס מֵיינְט מֶען צוּם שְׁלֶעכְטִין. דְרִיבֶּער הָאט עֶר דִיא נְבִיאוֹת נִיט גִיוָואלְט זָאגִין: אוּנ אִין אֶמֶת אִיז דִיא נְבוּאָה מְקוּיָם גִיוָוארִין וִויא גָאט הָאט גִירֶעט. נִינְוֵה אִיז פַאר קֶערְט גִיוָוארִין. נָאר צוּם גוּטֶען. הָאט מֶען דָאךְ פוּן דִיא נְבוּאָה נִיט גִידַארְפְט חֲרָטָה הָאבִּין. זָאגְט דִיא גְמָרָא פְרִיעֶר אִיז גִישְׁטַאנֶען אַז מֶען פָאלְגְט נִיט דֶעם נָבִיא קוּמְט מִיתָה. פוּן וַואנֶען וַוייס עֶר אַז דֶער נָבִיא זָאגְט אֶמֶת. אַז עֶר זָאל גִישְׁטְרָאפְט וֶוערִין וַוייל עֶר פָאלְגְט אִיהם נִיט. דֶער מֶענְטְשׁ קֶען דָאךְ זָאגִין וַוייל אִיךְ הָאבּ גִימֵיינְט אַז עֶר אִיז אַפאלְשֶׁער נָבִיא דְרִיבֶּער הָאבּ אִיךְ אִיהם נִיט גִיפָאלְגְט. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא דָא שְׁמוּעֶסְט אַז דֶער נָבִיא הָאט גִיגֶעבִּין אַצֵייכִין אַז עֶר אִיז אַאֱמֶתֶר נָבִיא. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא מִיכָה הָאט דָאךְ נִיט גִיגֶעבִּין צוּ אַחְאָב אַצֵייכִין אַז דִי נְבוּאָה זַיינֶע אִיז אֱמֶת. פַאר וָואס אִיז אַחְאָב גִישְׁטְרָאפְט גִיוָוארִין וַוייל עֶר הָאט אִיהם נִיט גִיפָאלְגְט: אַחְאָב הָאט דָאךְ גִיקֶענְט זָאגִין אִיךְ הָאבּ נִיט גִיוואוּסְט אַז זַיינֶע נְבִיאוֹת אִיז אֱמֶת. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא מִיכָה הָאט נִיט גִידַארְפְט גֶעבִּין אַצֵייכִין. וַוייל מֶען הָאט גִיוואוּסְט אַז עֶר אִיז אַאֱמֶתֶר נָבִיא. וָוארוּם אַז דוּא וֶועסְט זָאגִין אַז אָן אַצֵייכֶען דַארְף מֶען קֵיינֶעם נִיט גְלוֹיבִּין. וִויא אַזוֹי הָאט גִיגְלוֹיבְּט יִצְחָק

הכי אברהם בהר המוריה היכי שמע ליה יצחק. אליהו בהר הכרמל היכי סמכי ליה ועבדי ליה שחוטי חוץ אלא היכא דמוחזק שאני :

ונביא אמת : באמי. ולא בעי אות : היכי שמע ליה יצחק. שהוא דבר אמת מה שלא נאמר לשום אדם להקריב את בנו : שחוטי חוץ. שהרי בהמ"ק היה בירושלים :

(בראשית כב) ט ויהי אחר הדברים האלה והאלהים נסה את אברהם מאי אחר א"ר יוחנן משום ר' יוסי בן זמרא אחר דבריו של שטן דכתיב (שם כא) ויגדל הילד ויגמל אמר שטן לפני הקב"ה רבש"ע זקן זה חננתו לק' שנה פרי בטן מכל סעודה שעשה לא היה לו תור אחד או גוזל אחד להקריב לפניך א"ל כלום עשה אלא בשביל בנו אם אני אומר לו זבח את בנך לפני מיד זובחו מיד והאלהים נסה את אברהם ויאמר קח נא את בנך א"ר שמעון ב"ר אבא אין נא אלא לשון בקשה משל למלך ב"ו שעמדו עליו מלחמות הרבה והיה לו גבור אחד ונצחן לימים עמדה עליו מלחמה חזקה א"ל בבקשה ממך עמוד לי במלחמה זו שלא יאמרו הראשונים אין בהם ממש אף הקב"ה אמר לאברהם נסיתיך בכמה נסיונות ועמדת בכולן עכשיו עמוד לי בנסיון זה שלא יאמרו אין ממש בראשונים. את בנך. שני בנים יש לי. את יחידך. זה יחיד לאמו וזה יחיד לאמו. אשר אהבת. תרוייהו רחומי לי. את יצחק. וכל כך למה

צוּ זַיין פָאטֶער אַבְרָהָם אַז עֶר זָאגְט אֶמֶת אַז גָאט הָאט גֶיהֵייסִין מֶען זָאל אִיהם מַקְרִיב זַיין פַאר אַקְרָבָּן אוֹיף דֶעם בַּארְג מוֹרִיָה. אוּנ וִויא אַזוֹי הָאבִּין גֶיגְלוֹיבְּט דִיא יוּדִין צוּ אֵלִיָהוּ אוּנ זֵייא הָאבִּין מַקְרִיב גֶיוֶועְן אַקָרְבָּן אוֹיף דֶעם בַּארְג כַּרְמֶל. וָואס אוֹיף דֶעם קוּמְט כָּרֵת. נָאר וַוייל מֶען הָאט גֶיוואוּסְט אַז זֵייא זֶענֶען צַדִיקִים הָאט מֶען זֵייא גֶיגְלוֹיבְּט אָן אַצֵייכִין:

ט וַיְהִי. אוּנ עֶס אִיז גֶיוֶועְן נָאךְ דִיא רֵייד הָאט גָאט גֶיפְּרוּבְט אַבְרָהָמֶען. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא נָאךְ וֶועלְכֶע רֵייד. הָאט רַבִּי יוֹחָנָן גֶיזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹסִי בֶּן זִמְרָאס וֶועגִין נָאךְ דִיא רֵייד פוּן שָׂטָן. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דָאס קִינְד אִיז גְרוֹיס גֶיוָוארִין אוּנ מֶען הָאט אִיהם עֶנְטְוֵוינְט וואוֹיף גֶיהֶערְט צוּא זֵייגִין) הָאט אַבְרָהָם גֶימַאכְט אַגְרוֹיסֶע סְעוּדָה. הָאט דֶער שָׂטָן גֶיזָאגְט פַאר גָאט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם דֶער אַלְטֶער אַבְרָהָם צוּ הוּנְדֶערְט יָאהר הָאסְטוּ אִים גֶיגֶעבִּין אַזוּהן. אוּנ עֶר הָאט גֶימַאכְט אַגְרוֹיסֶע סְעוּדָה. אוּנ פוּן דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה וָואס עֶר הָאט גֶימַאכְט. הָט עֶר נִיט מַקְרִיב גֶיוֶועְן פַאר דִיר נִיט אַיין אַלְטֶע טָאהבּ אוּנ נִיט אַיין יוּנְגֶע טָאהבּ. הָאט גָאט גֶיזָאגְט צוּם שָׂטָן דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה הָאט עֶר דָאךְ נָאר גֶימַאכְט פוּן וֶועגִין זַיין זוּהן. אַז אִיךְ וֶועל זָאגִין צוּא אִים שֶׁעכְט דַיין זוּהן פַאר מִיר. וֶועט עֶר אִים בַּאלְד שֶׁעכְטִין. בַּאלְד נָאךְ דִי רֵייד הָאט גָאט גֶיפְּרוּבְט אַבְרָהָמֶען אוּנ עֶר הָאט גֶיזָאגְט צוּ אִים נֶעם דַיין זוּהן אוּנ בְּרֵיינְג אִים אוֹיף פַאר אַעוֹלָה. רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר אַבָּא זָאגְט דֶער וָוארְט נָא אִיז דֶער טַייטְשׁ אִיךְ בֶּעט דִיךְ. דָאס אִיז גֶעגְלִיכֶען צוּ אַמֶלֶךְ וָואס עֶר הָאט גֶיהַאט פִיל מִלְחָמוֹת. אוּנ עֶר הָאט גֶיהַאט אַיין שְׁטַארְקִין מֶענְטשׁ. וָואס עֶר הָט אַיינְגִינוּמֶען אַלֶע מִלְחָמוֹת. אַמָאהל אִיז אוֹיף גֶישְׁטַאנֶען אוֹיף דֶעם מֶלֶךְ אַשְׁטַארְקֶע מִלְחָמָה. הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶיזָאגְט צוּם שְׁטַארְקִין אִיךְ בֶּעט דִיר דוּ זָאלְסְט דִיךְ שְׁטֶעלִין מִיט כֹּחַ אַיין צוּ נֶעמִין דִי מִלְחָמָה. וָוארוּם אַז נִיט וֶועט מֶען זָאגִין יֶענֶע מִלְחָמוֹת זֶענֶען גֶיוֶועְן גְרִינְגֶע הָאסְטוּ זֵיי גֶיקֶענְט אַיין נֶעמֶען. אָבֶּער דִי מִלְחָמָה וַוייל זִי אִיז אַשְׁוֶוערֶע הָרִיבֶּער קֶענְסְטוּ זִי נִיט אַיין נֶעמֶען. אַזוֹ הָאט גָאט גֶיזָאגְט צוּ אַבְרָהָם אִיךְ הָאבּ דִיךְ שׁוֹין פִיל מָאהל גֶיפְּרוּבְט. אוּנ דוּ בִּיזְט בֶּעשְׁטַאנֶען בַּיי אַלֶע פְּרִאבֶּעס אִיצְט בֶּעט אִיךְ דִיךְ דוּ זָאלְסְט נָאךְ בֶּעשְׁטֵיין בַּיי דִי פְּרָאבֶּע. וָוארוּם אַז נִיט וֶועט מֶען זָאגִין דִי עֶרְשְׁטֶע פְּרָאבֶּעס זֶענֶען גֶיוֶועְן קְלֵיינֶע זַאכִין דְרִיבֶּער אִיז אַבְרָהָם בֶּעשְׁטַאנֶען אוֹיף זֵיי אָבֶּער דִי אִיצְטִיגֶע פְּרָאבֶּע וָואס דָאס אִיז אַגְרוֹיסֶע זַאךְ קֶען אַבְרָהָם נִיט בֶּעשְׁטֵיין דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען דַיין זוּהן. הָאט אַבְרָהָם גֶיזָאגְט אִיךְ הָאבּ דָאךְ צְווֵיי זִיהן. הָאט גָאט גֶיזָאגְט דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען דַיין אֵיינְצִיגֶען. הָאט אַבְרָהָם גֶיזָאגְט זֵיי זֶענֶען בֵּידֶע אֵיינְצִיג. יִצְחָק אִיז אֵיינְצִיג בַּיי זַיין מוּטֶער. אוּנ אוֹיךְ יִשְׁמָעֵאל אִיז אֵיינְצִיג בַּיי זַיין מוּטֶער. הָאט גָאט גֶיזָאגְט דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען דֶעם זוּהן וָוס דוּא

הנסה דבר אליך תלאה. וכי היה לאברהם לנסותך בדבר שתלאה אותך ומכרית את זרעך: הנה יסרת רבים. ראית והחיית כל באי עולם בדבריך עתה הנה בא להלאותך ולבהלך:

למה כדי שלא תטרף דעתו עליו. קדמו שטן לדרך א"ל (איוב ד) הנסה דבר אליך תלאה הנה יסרת רבים וידים רפות תחזק כושל יקימון מליך כי עתה תבא אליך ותלא א"ל (תהלים כו) אני בתמי אלך א"ל (איוב ד) הלא יראתך כסלתך א"ל זכר נא מי הוא נקי אבד. כיון דחזא דלא קא שמע ליה א"ל ואלי דבר יגונב כך שמעתי מאחורי הפ־גוד שה לעולה ואין יצחק לעולה א"ל כך עונשו של בדאי שאפי' אמר אמת אין שומעין לו. ר' לוי אומר אחר דבריו של ישמעאל ליצחק א"ל ישמעאל ליצחק אני גדול ממך (במצות) [במצוה] שאתה מלת בן שמונת ימים ואני בן י"ג שנה אמר לו ובאבר אחד אתה מגרה בי אם אמר לי הקב"ה זבח עצמך לפני אני זובח מיד והאלהים נסה את אברהם:

(דף ס) **י א"ר** אבהו אמר רבי יוחנן בכל אם יאמר לך נביא עבור על דברי תורה שמע לו חוץ מע"ז שאפילו מעמיד לך חמה באמצע רקיע אל תשמע לו הניא

האסט ליב. האט אברהם געזאגט איך האב ביידע ליב · האט גאט געזאגט דיין זוהן יצחק זאלסטו נעמן · פרעגט די גמרא פר וואס האט גאט מיט אברהם געשמועסט אזוי ביסלאכווייז אונ ער האט ניט באלד געזאגט צו אים נעם דיין זוהן יצחק. ענפערט די גמרא אברהם זאל נישט פאר שעמט ווערין. אין וועג ווי אברהם איז גיגאנגען מיט יצחק צום בארג מוריה. איז צו זיי גיקומען דער שטן. אונ ער האט געזאגט צו אברהם גאט האט שון ניט גיהאט קיין אנדער זאך מיט וואס דיך צו פרובין נאר מיט אזו אזאך וואס דאס זאל דיך מיר מאכין (דו זאלסט הרגנן דיין קינד) ווען נאר וואס פאר אצדיק דו ביזט פאר גאט אונ צו מענטשין. פיל מענטשין האסטו גישטראפט זיי זאלין דינען גאט. די וואס האבין גיהאט שוואכע הענט אין דעם גלויבין צו גאט. האסטו זיי גישטארקט. דעם גישטרויכלטין פלעגין דיינע רייד אים אויף שטעלין. אז דו האסט גיזעהן אמענטשין וואס איז ארעם אונ קראנק האסטו אים געשטיצט מיט געלט. אונ האסט אים גיטרייסט מיט גוטע רייד איצט איז גאט צו דיר גיקומען מיט אזוי אזאך וואס דו זאגסט מיד ווערין. האט אברהם גיזאגט צום שטן. איך בין גאר ניט אין כעס אויף גאט נאר איך גיי מיט מיין גאנצקייט. וואס גאט הייסט דאס טוה איך, האט דער שטן גיזאגט צו אברהם איך זעה איצט אז דיין נארעשקייט ברייננגט דיך מורא צו האבין פאר גאט: ווארום אז דו וואלסט גיווען קלוג וואלסטו דאך די רייד גירעט מיט גאט · האט אברהם גיזאגט צום שטן גידיינק נאר אויב עס איז דא אריינער מענטש אן זינד אונ ער זאל ווערין פאר לארין. ווייל דו זאגסט אז איך בין אזוי פרום: געוונים וועט מיר גאט געבין אנדערע קינדער אונ איך וועל ניט פארלארין ווערין פון דער וועלט אן קינדער. ווי דער שטן האט גיזעהן אז אברהם פאלגט אים ניט.. האט ער גיזאגט צו אברהם צוא מיר איז אזאך גיגנבת גיווארין. אזוי האב איך גיהערט אין דער שטיל אז אשעפס וועט זיין אעולה אונ ניט יצחק וועט זיין אעולה. האט אברהם גיזאגט צום שטן אזוי איז דער שטראף פון אליגנער. אפילו ער זאגט אמאהל אמת גלויבט מען אים אויך ניט. רבי לוי זאגט נאך די רייד פון ישמעאל האט גאט גיפרובט צו אברהם. ווארום ישמעאל האט גיזאגט צו יצחק איך בין גרעסער פון דיר אונ דער מצוה פון מילה. ווארום דיך האט מען מל גיוועזן צו אכט טאג. אונ מיך האט מען מל גיוועזן צו דרייצעהן יאהר. האט יצחק גיזאגט צו ישמעאל מיט דעם איין גליד מאכסטו מיר אמורא אונ רייצט דיך מיט מיר · ווען גאט וואלט זאגין צו מיר לאז דיך שעכטין פאר מיר. וואלט איך מיך גלאזט שעכטין. באלד נאך די רייד האט גאט גיפרובט אברהמן:

י אמר. רבי אבהו האט גיזאגט פון רבי יוחנן וועגין אויב אנביא וועט דיר זאגין גאט האט גיהייסין מבטל זיין אמצוה · מעגסטו אים פאלגין · נאר אז ער וועט דיר זאגן דו זאלסט דינען עבודה זרה. אפילו ער וועט דיר ווייזין אוואונדער אז ער וועט מאכין די זוהן זאל בלייבין שטיין

תניא ר' יוסי הגלילי אומר הגיעה תורה לסוף דעתה של ע"ז לפיכך נתנה תורה ממשלה בה שאפילו מעמיד לך חמה באמצע הרקיע אל תשמע לו. תניא אר"ע ח"ו שהקב"ה מעמיד חמה לעוברי רצונו אלא כגון חנניה בן עזור שמתחלה היה נביא אמת ולבסוף נביא שקר:

חלק פרק אחד עשר

א [משנה] כל ישראל יש להם חלק לעה"ב שנאמר (ישעיה ס) ועמך כלם צדיקים לעולם יירשו ארץ נצר מטעי מעשה ידי להתפאר. ואלו שאין להם חלק לעה"ב האומר אין תחית המתים מן התורה ואין תורה מן השמים ואפיקורוס. ר' עקיבא אומר אף הקורא בספרים החיצונים והלוחש על המכה ואומר (שמות טו) כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך כי אני ה' רופאך. אבא שאול אומר אף ההוגה

נתנה התורה ממשלה בה. כלומר אפי' הראה אותו נביא מופלא ועושה כרצונו דכתיב ונתן אליך אות או מופת: [שמתחלתו נביא אמת. כגון חנניה הנביא והאי ונתן אליך אות בעודו נביא אמת יתן לך אות בנבואה אחרת ולבסוף כשיחזור להרשיע יאמר לעבוד ע"ז וסמוך עלי שהרי מוחזק אני ע"י אות ומופת שנתתי לך כבר]:

הך בבא אינה מן המשנה אלא אגדה בעלמא והובאה כאן כדי להתחיל הפרק בדבר טוב אבל ריש׳ה דפרקא קאמר הכי ואלו שאין להם חלק לעה"ב ומסדר אהך פרקין דלעיל אלו הן הנשרפין ובראה למורי דהנחנקין כאוי סיקדים לפרק זה ע"כ מצאתי בפירוש אחד שאינו לרש"י ז"ל וז"ל רש"י ז"ל: כל ישראל וכו'. מעיקרא איירי בד' מיתות ואזיל ומפרש להו לכולהו (ואמר אף ע"פ שעברו עבירות כיון שקבלו דינם הרי הן ככל ישראל ויש להם חלק לעה"ב) והדר מפרש הני שאין להם חלק לעוה"ב: ה"ג האומר אין תחית המתים מן התורה. שכופר במדרשים דדרשינן בגמרא לקמן מניין לתחיית המתים מן התורה ואפי' יהא מודה ומאמין שיחיו המתים אלא דלא רמיזא באורייתא כופר הוא הואיל ועוקר שים תחיית המתים מן התורה מה לנו ולאמונתו וכי מהיכן הוא יודע שכן הוא הלכך כופר גמור הוא: אפיקורוס. מפרש בגמרא: ספרים

אין מיטען הימעל פון רעסטוועגן זאלסטו אים ניט פאלגין. מיר האבין געלערנט רבי יוסי הגלילי זאגט ווייל די תורה האט געוואוסט וואס עס וועט זיין דער סוף פון די עבודה זרה. עס וועלין אמאהל קומען מכשפים אונ וועלין מאכין וואונדער מיט כישוף. אונ זיי וועלין זאגין זיי זענען געטליכע נביאים. אונ זיי וועלין פאר פירען דאס פאלק צו די עבודה זרה. דריבער האט די תורה געזאגט אפילו דער נביא וועט דיר ווייזין אזוי אוואנדער אז ער וועט מאכין די זוהן זאל בלייבין שטיין אין מיטען הימעל פון רעסט וועגין זאלסטו אים ניט פאלגין. מיר האבען געלערנט רבי עקיבא זאגט חס ושלום וועט דען גאט שטעלין די זוהן פון וועגין די מענטשין זאלין אטעות האבין אונ זאלין גיין דינען עבודה זרה. נאר אזו ווי ביי חנניה בן עזור איז געוועזן. פריער איז ער געוועזן אאמתר נביא אונ ער האט גיגעבין אצייכין [משל אז די זוהן וועט בלייבין שטיין אין מיטען הימעל] אויף אאמתה נבואה. אונ עס איז אזוי געוועזן. די זוהן איז געבליבען שטיין אין מיטען הימעל ווייל די נבואה איז טאקי געוועזן פון גאט. דער נאך איז ער געווארין ארשע אין דער שטיל. קיינער האט ניט געוואוסט. אונ ער האט אן גירעט מענטשין זיי זאלין דינען עבודה זרה. אונ ער זאגט צו זיי אסימן אז דאס איז אמת. ווארום איר האט דאך שוין געזעהן אז מיינע צייכונס זענען מקוים געווארין:

פרק אחד עשר

א משנה: כל. אלע יודין וועלין האבען אחלק צוא עולם הבא. אפילו די מענטשין וואס בית דין האבען זייא גיהרגת פאר זייערע עבירות האבען אויך עולם הבא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיין פאלק זענען אלע צדיקים. אויף אייביג וועלין זייא ירשנן דיא לאנד [די אייביגע לאנד דאס מיינט מען דעם גן עדן]. דיא צדיקים זענען דער צווייג פון מיין פלאנצונג. זיי זענען דיא ווערק פון מיינע הענט וואס איך וועל מיך בריםען מיט זייא. אונ דיא מענטשין האבען ניט קיין חלק צוא עולם הבא. דער וואס זאגט אין דער תורה שטייט ניט אז די מתים וועלין לעבעדיג ווערין. אונ דער וואס זאגט דיא תורה איז ניט גיגעבין געווארין פון הימעל. אונ אאפיקורוס. רבי עקיבא זאגט דער וואס לייענט אפיקורסישע ספרים וועט ער אויך ניט האבען עולם הבא. אונ דער וואס פאר רעכט אמכה אונ ער זאגט דעם פסוק כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך כי אני ה' רופאך. אונ ער שפייט באלד אוים. האט ער ניט

את השם באותיותיו: גמ׳ וכל כך למה תנא הוא כפר בתחית המתים לפי כך לא יהיה לו חלק בתחית המתים שכל מדותיו של הקב״ה מדה כנגד מדה דא״ר שמואל בר נחמני א״ר יונתן מנין שכל מדותיו של הקב״ה מדה כנגד מדה שנאמר (מ״ב ז) ויאמר אלישע שמעו דבר ה׳ כעת מחר סאה סלת בשקל וסאתים שעורים בשקל בשער שומרון וכתיב (שם) ויען השליש וגו׳ ויאמר והנה ה׳ עושה ארובות בשמים היהיה כדבר הזה ויאמר הנך רואה בעיניך ומשם לא תאכל (מ״ב) וכתיב (שם) ויהי לו כן וירמסו אותו העם בשער וימות ודלמא קללת אלישע גרמה ליה דאמר רב יהודה אמר רב קללת חכם אפילו בחנם היא באה א״כ לכתוב וירמסוהו וימות מאי בשער על עסקי שער:

ב [א״ר יוחנן] מנין לתחית המתים מן התורה שנאמר (במדבר יח) ונתתם ממנו את תרומת ה׳ לאהרן הכהן וכי אהרן הכהן לעולם קיים [והלא לא נכנס לא״י] שישראל נותנים לו תרומה אלא מלמד שעתיד לחיות וישראל נותנים לו תרומה מכאן לתחית המתים

סתומים. מפרש בגמרא: ויהי לו כן וירמסו אותו. דבדבר שכפר בו נדון שלא אכל מהם ונרמס ברגלי הבאים לקנות:

וכי אהרן קיים לעולם (כלומר וכי אהרן הוא שחיה לו כל כך שתתנו לו תרומה והלא לא נכנס לארץ ישראל ומאי האי דקאמר ונתתם ממנו את תרומת ה׳ לאהרן הכהן) לעולם קיים [לאו דוקא אלא כלומר הלא לא גזר עליו חיים כ״כ]: [שעתיד

קיין עולם הבא. אבא שאול זאגט אז ער רעט ארויס דעם שם הוי״ה מיט דיא אותיות אזוי ווי עס איז געשריבן. האט ער אויך ניט קיין עולם הבא. פרעגט דיא גמרא פאר וואס זאלין דיא מענטשין ניט האבען עולם הבא. ענטפערט דיא גמרא מיר האבען גילערנט ווייל ער האט גילייקענט אין תחית המתים ווער זאגט עס שטייט גאר ניט אין דער תורה אז דיא מתים וועלין לעבעדיג ווערין. דריבער וועט ער ניט לעבעדיג ווערין ווען דיא מתים וועלין לעבעדיג ווערין. וואָרום גאט בצאלט צוא יעדער מענטש אזוי וויא ער טוהט. וואָרום רבי שמואל בר נחמני האט גיזאגט פון רבי יונתן וועגין פון וואנען ווייסען מיר אז גאט בצאהלט צו יעדער מענטש אזוי וויא ער טוהט. וואָרום עס שטייט אין פסוק דער נביא אלישע האט גיזאגט הערט צו דיא רייד פון גאט מארגין אין דער צייט וועט פאר קויפט ווערין אין דעם טויער פון שומרון אמאס פיינע ווייצין מעהל פאר א טאלער: אונ צווייא מאס גערשטין פאר א טאלער. האט דער עלצטער גיענטפערט ווען אפילו גאט וועט מאכען פענסטער אין הימעל אונ וועט אראפ שיטען מעהל מיט גערשטין. וועט דען זיין אזוי א זאך. עס זאל מיט איין מאהל אזוי וואלוויל ווערין. האט אלישע גיזאגט צום עלצטין דוא וועסט דאס זעהן מיט דיינע אויגען. נאר עסין וועסטו ניט פון דעם. אונ עס איז אזוי גיוועזן. דם פאלק האבען צו טרעטין דעם עלצטין ווען ער איז גישטאנען אין טויער אונ ער איז גישטארבן. זעהן מיר אין דיא זאך וואס ער האט ניט גיגלויבט איז ער גישטראפט גיווארין ער זאל פון דיא זאך ניט הנאה האבען. פרעגט די גמרא טאמער איז ער גיהרגת גיווארין ווייל אלישע האט אים גישאלטין. וואָרום רב יהודה האט גיזאגט פון רבס וועגין די קללה פון א תלמיד חכם אפילו אומזיסט ווערט זיא אויך מקוים. ענטפערט די גמרא אז דער עלצטער וואלט גישטארבן פון אלישעס קללה האט בעדארפט שטיין אין פסוק מען האט אים צו טרעטין אונ ער איז גישטארבן. צו וואס שטייט דער ווארט בשער. אין טויער. צו ווייזען אז ער איז גיהרגת גיווארין דורך דעם טויער. ווייל דיא תבואה איז וואלוויל גיווארין זענען אריין גיקומען פיל מענטשין דורך דעם טויער קויפען תבואה: אונ דער מלך האט אים גיהייסען ער זאל שטיין אין טויער אונ היטען. דריבער איז ער צוא טרעטין גיווארין אונ איז גישטארבן:

ב אמר: רבי יוחנן האט גיזאגט וואו שטייט אין דער תורה אז די מתים וועלין לעבעדיג ווערין: וואָרום עס שטייט אין פסוק איר זאלט געבין פון אים דיא תרומה פון גאט צו אהרן הכהן. וועט דען אהרן אייביג לעבין. אהרן איז דאך ניט אריין גיקומען אין ארץ ישראל דיא

המתים מן התורה. דבי ר' ישמעאל תנא לאהרן כאהרן מה אהרן חבר אף בניו חברים (מכאן שאין נותנים מתנה לכהן עם הארץ). א"ר שמואל בר נחמני [אמר ר' יונתן] מנין שאין נותנים תרומה לכהן ע"ה שנא' (ד"ה לא) ויאמר לעם ליושבי ירושלים לתת מנת הכהנים והלוים למען יחזקו בתורת ה' כל המחזיק בתורת ה' יש לו מנת ושאינו מחזיק בתורת ה' אין לו מנת. אמר רב אחא בר אדא אמר רב יהודה כל הנותן תרומה לכהן ע"ה כאילו נתנה לפני ארי מה ארי ספק דורס ואוכל ספק אינו דורס ואוכל אף כהן ע"ה ספק אוכלה בטהרה ספק אוכלה בטומאה. רבי יוחנן אומר אף גורם לו מיתה שנאמר (ויקרא כב) ומתו בו כי יחללוהו. דבי ר"א בן יעקב תנא אף משיאו עון אשמה שנאמר (שם) והשיאו אותם עון אשמה באכלם את קדשיהם. תניא רבי סימאי אומר מנין לתחית המתים מן התורה שנאמר (שמות ו) וגם הקימותי את בריתי אתם לתת להם

לחיות. (עפ"ז): דבי ר' ישמעאל תנא. הא דכתיב לאהרן לאו להכי הוא דהא הוא לומר לך כאהרן וכו': מה ארי ספק דורס ואוכל. אין אנו יודעים כשנוטל בהמה מן העדר אם דעתו לדורסה ולאוכלה מיד קודם שתסריח או לא אלא לטרוף ולמלאותו (הוריו) ולאחר זמן יאכלנה כשתסריח וה"נ כהן ע"ה כשאנו נותנין לו תרומה בידו אין אנו יודעין אם אוכלה בטהרה או בטומאה א"נ ספק דורס שארי דרכו לדרוס ולרמוס [ברמה] ברגליו ואוכלה [כשהיא דרוסה] מגואלת ופעמים שנוהגת בהורה ואינה מגואלת: עון אשמה. עומת הרבה מטעין עליו: באכלם את קדשיהם. ומתרגמינן

יודין זאלין אים געבין תרומה נאר דער פסוק לערנט אונז אז אהרן וועט נאך זיין טויט לעבעדיג ווערין. אונ דיא יודין וועלין אים געבין תרומה. האט דיא תורה אונז גילערנט אז דיא מתים וועלין לעבעדיג ווערין: דבי רבי ישמעאל האבין גילערנט דאס וואס עס שטייט מען זאל געבין תרומה צוא אהרן. מיינט מען ניט צוא אהרן זאל מען געבין. נאר מען זאל געבין צו דיא קינדער פון אהרן וואס זענען אזוי וויא אהרן. אזוי וויא אהרן איז א למדן. זאל מען געבין צו זיינע קינדער דיא וואס זענען לומדים. אבער צו א כהן וואס איז א עם הארץ טאר מען ניט געבין תרומה אונ ניט אנדערע מתנות וואס גיהער צום כהן. רבי שמואל בר נחמני האט גזאגט פון רבי יונתן וועגין פון וואנען ווייסען מיר אז מען טאר ניט געבין תרומה צו א כהן וואס איז א עם הארץ. ווארום עס שטייט אין פסוק ער האט גיזאגט צום פאלק צו דיא זיצער פון ירושלים זייא זאלין געבין דיא מתנות (תרומות אונ מעשרות) צוא דיא כהנים אונ צו דיא לוים זייא זאלין האלטען דיא תורה פון גאט. דער כהן אונ לוי וואס האלט דיא תורה פון גאט. דארף מען אים געבין תרומה אונ מעשר. אונ דער כהן אונ לוי וואס האלט ניט די תורה פון גאט. זאל מען אים ניט געבין תרומה אונ מעשר. רב אחא בר אדא זאגט פון רב יהודהס וועגין דער וואס גיט תרומה צו א כהן וואס איז א עם הארץ. איז גליך זוי ער וואלט געבין דיא תרומה פאר א לייב. אזוי וויא א לייב אז ער חאפט א בהמה פון דיא סטאדע ווייס מען ניט צו ער וועט אויף איר ארויף טרעטין מיט דיא פיס אונ וועט איר באלד אויף עסין. אדער ער וועט אויף איר ניט ארויף טרעטין אונ עסין, נאר ער וועט איר פאר שלעפין אין א לאך אונ וועט איר לאזין ליגען. אונ שפעטער אז זיא וועט פארשטונקען ווערין וועט ער איר עסין; אזוי דער כהן עם הארץ וואס מען האט אים גיגעבין תרומה ווייס מען ניט צוא ער וועט איר עסין ווען ער וועט זיין טהור אונ ווען דיא תרומה וועט זיין טהור. אדער ער וועט איר עסין ווען ער וועט זיין טמא אדער ווען די תרומה וועט זיין טמא. רבי יוחנן זאגט דער וואס גיט תרומה צו א עם הארץ ברענגט ער דעם עם הארץ ער זאל שטארבן. ווארום עס שטייט אין פסוק דער וואס וועט ניט האלטען די תרומה הייליג. וועט ער שטארבן. דבי רבי אליעזר בן יעקב האט גילערנט דער וואס גיט דיא תרומה צוא א עם הארץ ברענגט ער אויף איהם ער זאל פאר שולדיגט ווערין אין א עבירה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייא וועלין טראגן אויף זיך א פאר שולדיגטע זינד אז זייא וועלין עסין די הייליגקייט ווען עס וועט זיין טמא. מיר האבען גילערנט רבי סימאי זאגט פון וואנען ווייסען מיר פון דער תורה אז דיא מתים וועלין לעבעדיג ווערין. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט איך האב אויף גישטעלט מיין בונד מיט זייא

להם את ארץ כנען לכם לא נאמר אלא להם מכאן לתחית המתים מן התורה. [צד"ק ג"ם נש"ם ק"ם סימן] שאלו צדוקים את רבן גמליאל מנין שהקב"ה מחיה מתים אמר להן מן התורה ומן הנביאים ומן הכתובים ולא קבלו ממנו מן התורה דכתיב (דברים לא) ויאמר ה' אל משה הנך שוכב עם אבותיך וקם. אמרו ליה ודילמא וקם העם הזה וזנה. מן הנביאים דכתיב (ישעיה כו) יחיו מתיך נבלתי יקומון הקיצו ורננו שוכני עפר כי טל אורות טלך. דלמא מתים שהחיה יחזקאל. מן הכתובים דכתיב (שיר ז) וחכך כיין הטוב הולך לדודי למישרים דובב שפתי ישנים. דילמא רחושי מרחשן שפוותייהו בעלמא כדרבי יוחנן דא"ר משום ר"ש בן יהוצדק כל מי שנאמרה הלכה משמו בעה"ז שפתותיו דובבות בקבר שנאמר דובב שפתי ישנים עד שאמר להם מקרא זה (דברים א) אשר נשבע ה' לאבותיכם לתת להם לכם לא נאמר אלא להם מכאן להתחית

פירוש

דמיכליכון בכולהו יומי קודשיכון: אלא להם. דמשמע שהבטיח הקב"ה לאבותינו אברהם יצחק ויעקב ליתן להם א"י וכי להם ניתנה והלא לבניהם ניתנה אלא מלמד שעתידין לחיות ועתיד הקב"ה ליתן להם א"י: הנך שוכב עם אבותיך וקם. הנה אתה מת שוכב והנה אתה קם שהתחיה עתיד לבא והאי וקם אהנך קאי: דילמא וקם העם הזה וזנה. דלקמיה קאי ולאו אדלעיל והיינו אחד מה' מקראות שאין להם הכרע: יחיו מתיך. דמתים שבא"י יחיו: נבלתי יקומון. אפי' נפלים יחיו במס' כתובות: ודלמא מתים שהחיה יחזקאל. דהאי קרא יחיו מתיך ישעיהו אמר והוא קדם ליחזקאל בנתנבא בימי חזקיה והיה מתנבא פסוק זה על שהיה עתיד יחזקאל להחיות מתים אבל לעה"ב לא: דובב. פרונמייר"ה בלע"ז כלומר נעות ומתנודדות שפתי ישני עפר מכלל שיחיו: מרחשן שפוותייהו בעלמא שפתותיהן נעות מעט בתוך הקבר אבל אין חיין ויוצאין לאויר העולם וכדר' יוחנן וכו' ולא קבלו

(מיט אברהם יצחק יעקב) איך זאל געבין צו זיי די לאנד כנען. עס שטייט ניט איך זאל געבין צו אייך. נאר איך זאל געבין צו זייא. ווען האט דען גאט גיגעבען די לאנד כנען צוא אברהם יצחק יעקב. נאר דא האט די תורה גישטעלט אז דיא מתים וועלין לעבעדיג ווערין. אונ אברהם יצחק יעקב וועלין לעבעדיג ווערין אונ מען וועט געבין צו זייא די לאנד כנען. דיא אפיקורסים האבען גיפרעגט ביי רבן גמליאל פון וואנען ווייסען מיר אז גאט וועט לעבעדיג מאכען דיא מתים. האט רבן גמליאל גזאגט צו די אפיקורסים דס ווייסען מיר פון דער תורה אונ פון דיא נביאים אונ פון דיא כתובים אונ די אפיקורסים האבען דאס ניט אן גינומען. אין דער תורה שטייט גאט האט גזאגט צו משה דו וועכט שטארבען מיט דיינע עלטערין אונ וועסט אויף שטיין. האבען דיא אפיקורסים גזאגט טאמער מיינט אזוי דער פסוק דו וועסט שטארבען מיט דיינע עלטערין (אונ נאך דיין טויט). וועט אויף שטיין דאס פאלק אונ זייא וועלין צו קערין פון גאט אונ וועלין דינען די פרעמדע געטער: אין נביאים שטייט דיינע מתים וועלין לעבין מיינע טויטע קערפערם וועלין אויף שטיין. דיא וואס רוהען אין דיא ערד וועלין אויף וואכען אונ וועלין זינגען. ווארום אזוי פון ליכטיגקייט וועט זיין דיין טוי. האבען די אפיקורסים גזאגט טאמער מיינט מען דאס דיא מתים וואס יחזקאל האט לעבעדיג גימאכט. אין כתובים שטייט (ער מאכט רעדען דיא לעפצין פון דיא שלאפעדיגע (פון דיא טויטע וואס שלאפען אין דער ערד). זעהן מיר אז זייא וועלין לעבעדיג ווערין. האבען דיא אפיקורסים גיפרעגט טאמער מיינט מען אזוי ווי זייא וועלין ריגען אין קבר וועלין זיך שאקלען זייערע לעפצין. אבער זייא וועלין ניט ארויס גיין לעבעדיג פון קבר. אזוי וויא רבי יוחנן האט גזאגט פון רבי שמעון בן יהוצדק וועגין דער גישטארבענער מענטש וואס מען זאגט פון זיינעטוועגין אדין אויף דער וועלט. רייהען זיינע לעפצען אין קבר. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די לעפצען פון דיא שלאפעדיגע רייהען. דיא אלע רייד פון רבן גמליאל האבען די אפיקורסים ניט אן גינומען ביז ער האט זייא גזאגט דעם פסוק וואס גאט האט גישווארין צו אייערע עלטערין (צו אברהם יצחק יעקב) ער זאל געבין צו זייא דאס לאנד כנען. עס שטייט ניט ער וועט געבין צו אייך. נאר צו זייא וועט ער געבין. ווען וועט גאט געבין ארץ ישראל צו אברהם יצחק יעקב. פון דאנען ווייסען מיר אז די מתים וועלין לעבעדיג ווערין. אברהם יצחק יעקב וועלין אויך לעבעדיג ווערין. וועט מען זיי געבין דאס לאנד כנען. שטייט דאך תחית המתים אין דער תורה. אנדערע זאגן פון דעם פסוק האט

לתחית המתים מן התורה . ויש אומרים מן המקרא הזה אמר להם שנאמר (שם ד) ואתם הדבקים בה' אלהיכם חיים כלכם היום מה היום כלכם קיימים אף לעה"ב כלכם קיימים . שאלו רומיים את רבי יהושע בן חנניא מנין שהקב"ה מחיה מתים ויודע מה שעתיד להיות אמר להו תרווייהו מן מקרא הזה שנאמר (שם לא) ויאמר ה' אל משה הנך שוכב עם אבותיך וקם [העם הזה וזנה] ודלמא וקם העם הזה וזנה אמר להו נקוטו מיהא פלגא בידייכו דיודע מה שעתיד להיות . איתמר נמי אמר רבי יוחנן משום רבי שמעון בן יוחאי מנין שהקב"ה מחיה מתים ויודע מה שעתיד להיות שנאמר הנך שוכב עם אבותיך וקם וגו':

ג תניא א"ר אליעזר ברבי יוסי בדבר זה זייפתי ספרי (כותים) [צדוקים] שהיו אומרים אין תחית המתים מן התורה אמרתי להם זייפתם תורתכם ולא העליתם בידכם כלום שאתם אומרים אין תחה"מ מן התורה הרי הוא אומר (במדבר טו) הכרת תכרת הנפש ההיא עונה בה הכרת תכרת בעה"ז עונה בה לאימת לאו לעה"ב א"ל רב פפא לאביי ולימא

ממנו עד שאמר נגס וכו' : חיים כלכם היום . דהאי היום מיותר דמצי למיכתב חיים כלכם ומה ת"ל היום כהיום מה היום כו' כך שמעתי : הנך שוכב עם אבותיך וקם . הרי תחיית המתים וקם העם הזה וזנה הרי מה שעתיד להיות : פלגא בידייכו . דמהאי קרא נפקא דיודע מה שעתיד להיות : זייפתם ולא העליתם כלום . כגון אתם אומרים ואין ממש בדבריכם : לאו לעוה"ב . אלמא יש תחיית המתים: מהכרת תכרת הכרת בעוה"ז תכרת

רבן גמליאל געזאגט צו די אפיקורסים . עס שטייט אין פסוק אונ איר זיינט בהעפט צו אייער גאט לעבט איר אלע היינט איז דאך דער ווארט היינט איבעריג . צוא זאגן . אזוי וויא איר לעבט אלע היינט . אזוי וועט איר אלע לעבין צו עולם הבא . דיא רומיים האבען גיפרעגט ביי רבי יהושע בן חנניה פון וואנען ווייסט איר אז גאט וועט לעבעדיג מאכען די מתים אונ ער ווייס וואס עס וועט זיין . האט רבי יהושע צו זייא געזאגט די ביידע זאכען ווייסען מיר פון דעם פסוק . גאט האט געזאגט צו משה דו וועסט ליגען מיט דיינע עלטערין אונ וועסט אויף שטיין . אונ דאס פאלק וועט אפ קערין נאך פרעמדע געטער ; זעהן מיר אז דיא טויטע וועלין לעבעדיג ווערין . אונ גאט ווייס וואס עס וועט זיין . האבען דיא רומיים געזאגט צו רבי יהושע טאמער מיינט אזוי דער פסוק גאט האט געזאגט צו משה דוא וועסט ליגען מיט דיינע עלטערין ; אונ דאס פאלק וועט אויף שטיין אונ וועט אפ קערין נאך פרעמדע געטער ; האט רבי יהושע געזאגט צוא דיא רומיים אבער אהעלפט ווייסט איר שוין געוויס . אז גאט ווייס וואס עס וועט זיין ; מיר האבען אויך אזוי גילערונט רבי יוחנן האט געזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין פון וואנען ווייסען מיר אז גאט וועט לעבעדיג מאכען דיא טויטע אונ ער ווייס וואס עס וועט זיין . ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט צוא משה דוא וועסט ליגען מיט דיינע עלטערין אונ וועסט אויף שטיין אונ דאס פאלק וועט אפ קערין נאך פרעמדע געטער . זעהן מיר אז די טויטע וועלין לעבעדיג ווערין . אונ גאט ווייס וואס עס וועט זיין :

ג תניא . מיר האבען גילערונט רבי אליעזר ברבי יוסי זאגט מיט דער זאך האב איך פאלש גימאכט דיא ספרים פון דיא אפיקורסים . דיא אפיקורסים האבען גיזאגט אין דיא תורה שטייט ניט אז דיא מתים וועלין לעבעדיג ווערין . אונ וואס עס שטייט גאט האט גישווארין צוא אייערע עלטערין ער וואל געבין צו זייא . האט איר גימאכט אפאלש אונ האט גישטעלט אויף דעם ווארט להם . צו זייא . לכם צו אייך . האב איך צו זייא געזאגט איר האט פאלש גימאכט אייער תורה . אונ איר האט אייך מיט דעם גאר ניט גיהאלפען ; איר זאגט אין דיא תורה שטייט ניט אז דיא מתים וועלין לעבעדיג ווערין . עס שטייט דאך אין פסוק הכרת תכרת הנפש ההיא עונה בה . מיינט דער פסוק דוא וועסט פאר שניטען ווערין פון דער וועלט . אויף ווען וועט בלייבען דיא זינד . געוויס אויף די אנדערע וועלט ווס וועט זיין ווען דיא מתים וועלין לעבעדיג ווערין . האט רב פפא געזאגט צו אביי פר וואס האט רבי אליעזר ניט אפ גילערונט ביידע זאכען פון

לעה"ב: איתהו הוה אמרי ליה דברה תורה כלשון בני אדם. ולהכי א"ל הכי כי היכי דלא ליהוי להו פתחון פה: הכרת תכרת. בעה"ז כתיב: והלא כבר נאמר. בעה"ז: את ה' הוא מגדף ונכרתה. דס"ל מגדף היינו עובד ע"ז: וכי ג' עולמים יכו'. ור' עקיבא סבירא ליה דמגדף היינו מברך השם: והשתא בין לר' ישמעאל בין לר"ע עונה בה מאי עבדי ליה וכו'. שעונה בה שלא שב קודם מיתה הוי נכרת אבל שב לא: דחיי שכבי. שהמתים חיים: ויציצו מעיר. שעתידין ישראל לצוץ ולפרוח מעיר ירושלים וכדאמרינן הקב"ה עושה להם מחילות לצדיקים והולכין ועולין לירושלים: אמרה לו

ולימא להו תרוייהו מהכרת תכרת אינהו [והוד] אמר ליה דברה תורה כלשון בני אדם כתנאי הכרת תכרת הכרת בעה"ז תכרת לעה"ב דברי ר"ע א"ל ר' ישמעאל והלא כבר נאמר (שם) את ה' הוא מגדף ונכרתה וכי ג' עולמים יש אלא ונכרתה בעה"ז הכרת לעה"ב הכרת תכרת דברה תורה כלשון בני אדם בין רבי ישמעאל ובין רבי עקיבא עונה בה מאי עבדי ליה ההוא מיבעי ליה ל כדרתניא יכול אפילו עשה תשובה ת"ל עונה בה לא אמרתי אלא בזמן שעונה בה. שאלה קליאופטרא מלכתא את ר"מ אמרה ידענא דחיי שכבי דכתיב (תהלים עב) ויציצו מעיר כעשב הארץ אלא כשהן עומדים עומדים ערומים או בלבושיהם עומדים אמר לה ק"ו מחטה ומה חטה שנקברה ערומה יוצאה בכמה לבושים צדיקים שנקברים בלבושיהם עאכ"ו. א"ל קיסר לרבן גמליאל אמריתו דשכבי חיי הא הוו עפרא ועפרא מי קא חיי אמרה ליה ברתיה (דף לט) שבקיה ואנא מהדרנא ליה

הִכָּרֵת. אַז אֵיין מָאהל וֶועט מֶען פַאר שְׁנִיטֶען וֶוערִין אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּנ דָאס אַנְדֶערֶע וֶועט עֶר פַאר שְׁנִיטֶען וֶוערִין וֶוען אַלֶע מֵתִים וֶועלִין לֶעבֶּעדִיג וֶוערִין. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא דִיא אַפִּיקוֹרְסִים וָואלְטִין זָאגֶן צוּ אִים דְרִיבֶּער שְׁטֵייט צְווֵיי מָאהל הִכָּרֵת תִּכָּרֵת: פַאר שְׁנִיטֶען וֶועט זִי (דִיא נְשָׁמָה) פַאר שְׁנִיטֶען וֶוערִין. ווייל דִיא תּוֹרָה רֶעט אַזוֹי וִויא מֶענְטְשִׁין רֵייִדֶען. זָאגְט דִי גְמָרָא אִיז דֶער זַאךְ קְרִיגֶען תַּנָּאִים. עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק הִכָּרֵת תִּכָּרֵת. אֵיין מָאהל וֶועט זִיא פַאר שְׁנִיטֶען וֶוערִין פוּן דֶער וֶועלְט. אוּנ אֵיין מָאהל וֶועט זִיא פַאר שְׁנִיטֶען וֶוערִין פוּן עוֹלָם הַבָּא. אַזוֹי זָאגְט רַבִּי עֲקִיבָא. הָאט רַבִּי יִשְׁמָעֵאל גְזָאגְט צוּא רַבִּי עֲקִיבָא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עֶר לֶעסְטֶערְט גָאט זָאל דִי נְשָׁמָה פַאר שְׁנִיטֶען וֶוערִין. שְׁטֵייט שׁוֹין דֶער וָוארְט פַאר שְׁנִיטֶען וֶוערִין דְרַיי מָאהל. אִיז דֶען דָא דְרַיי וֶועלְטִין. נָאר אַזוֹי מֵיינְט דֶער פָּסוּק וְנִכְרְתָה: זִיא זָאל פַר שְׁנִיטֶען וֶוערִין פוּן דֶער וֶועלְט. הִכָּרֵת. זִיא זָאל פַאר שְׁנִיטֶען וֶוערִין פוּן עוֹלָם הַבָּא. הִכָּרֵת תִּכָּרֵת. דָס רֶעט דִיא תּוֹרָה אַזוֹי וִויא מֶענְטְשִׁין רֵייִדֶען. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא סַיי רַבִּי יִשְׁמָעֵאל אוּנ סַיי רַבִּי עֲקִיבָא וָואס טוּהֶען זַייא מִיט דִיא צְווֵיי וֶוערְטֶער עֲוֹנָהּ בָּהּ. אִיר זִינְד אִיז אִין אִיר. אוֹיף וֶוען בְּלֵייבְּט נָאךְ דִיא זִינְד. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא דֶעם עֲוֹנָהּ בָּהּ דַארְף מֶען אַזוֹי וִויא מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט. אִיךְ וָואלְט מֵיינֶען אֲפִילוּ עֶר הָאט גִיטָאהְן תְּשׁוּבָה. קוּמְט אִים אוֹיךְ כָּרֵת. שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עֲוֹנָהּ בָּהּ. אִיר זִינְד אִיז אִין אִיר: אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נָאךְ דִיא זִינְד קוּמְט אִים כָּרֵת. אָבֶּער אַז עֶר טוּהְט תְּשׁוּבָה וֶוערְט עֶר פָּטוּר פוּן כָּרֵת:

דִיא מַלְכָּה קְלֵיאוֹפַּטְרָה הָאט גִיפְרֶעגְט בַּייא רַבִּי מֵאִיר אִיךְ וֵויים אַז דִיא טוֹיטֶע וֶועלִין לֶעבֶּעדִיג וֶוערִין. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק זַייא וֶועלִין שְׁפְּרָאצִין פוּן דֶער שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם אַזוֹי וִויא דִיא גְרָאז שְׁפְּרָאצְט פוּן דִיא עֶרְד. נָאר דָאס וִויל אִיךְ דִיךְ פְרֶעגִין. אַז דִיא מֵתִים וֶועלִין אוֹיף שְׁטֵיין וֶועלִין זַייא אוֹיף שְׁטֵיין נַאקֶעט. אָדֶער זַיי וֶועלִין אוֹיף שְׁטֵיין אָן גִיטָאהְן מִיט דִיא קְלֵיידֶער וָואס מֶען הָאט זַייא בַּגְרָאבֶּען. הָט רַבִּי מֵאִיר גְזָאגְט צוּא דִיא מַלְכָּה מִיר קֶענֶען אָפּ לֶערְנֶען אַ קַל וָחוֹמֶר פוּן אַ ווייץ. מַאדָאךְ אַ קֶערֶענְדִיל ווייץ וָואס זִיא וֶוערְט בַּגְרָאבֶּען אִין דִיא עֶרְד נַאקֶעט. וַואקְסְט זִיא אַרוֹיס פוּן דִיא עֶרְד אָן גִיטָאן אִין פִיל קְלֵיידֶער. צַדִיקִים וָואס זַייא וֶוערִין בַּגְרָאבֶּען אִין זַייעֶרֶע קְלֵיידֶער. אִיז גֶעוִויס אַז זַייא וֶועלִין אַרוֹיס גֵיין פוּן דִיא קְבָרִים אָן גִיטָאהְן אִין זַייעֶרֶע קְלֵיידֶער:

דֶער קֵיסַר הָאט גְזָאגְט צוּ רַבָּן גַמְלִיאֵל אִיר זָאגְט אַז דִיא גִישְׁטָארְבֶּענֶע וֶועלִין לֶעבֶּעדִיג וֶוערִין. דִיא גִישְׁטָארְבֶּענֶע וֶוערִין דָאךְ עֶרְד. אוּנ עֶרְד קֶען דֶען לֶעבִּין. הָאט דִיא טָאכְטֶער פוּן

ליה שני יוצרים יש בעירנו אחד יוצר מן המים ואחד יוצר מן הטיט איזה מהן משובח אמר לה זה שיוצר מן המים אמרה ליה מן המים צר מן הטיט לא כל שכן. דבי ר' ישמעאל תנא ק"ו מכלי זכוכית מה כלי זכוכית שעמלן ברוח ב"ו נשברו יש להם תקנה ב"ו שברוחו של הקב"ה עאכ"ו. א"ל ההוא מינא לר' אמי אמריתו דשכבי חיי הא הוו עפרא ועפרא מי קא חיי א"ל אמשול לך משל למה הדבר דומה למלך ב"ו שאמר לעבדיו לכו ובנו לי פלטרין גדולים במקום שאין מים ועפר הלכו ובנו אותו לימים נפלו אמר להם חזרו ובנו אותן במקום שיש עפר ומים אמרו לו אין אנו יכולין כעס עליהם אמר להם במקום שאין מים ועפר בניתם עכשיו שיש מים ועפר עאכ"ו ואם אין אתה מאמין צא לבקעה וראה עכבר שהיום חציו בשר וחציו אדמה למחר השריץ ונעשה כולו בשר שמא תאמר לזמן מרובה

בנתיה. דקיסר לר"ג שבקיה: ב' יוצרים וכו'. משל הוא אילו היו שני יוצרים בעירנו אחד יוצר כלים מן המים וכו': אמרה לו. אף כן הקב"ה אם מן המים הוא מצייר דמטפה סרוחה שהוא כמים הוא מוליד: מן הטיט לא כ"ש. שבידו: דבי ר' ישמעאל תנא ק"ו מכלי זכוכית. זו היא התשובה שהשיבה לאביה: מה כלי זכוכית שעמלן ברוח של אדם. שהאדם עושה אותו יש לו שפופרת ונופח לתוכו וכן נשמע מפי האומנים: יש להם תקנה. להתיכן ולחזור ולעשות מהן כלי והא דאמרינן בחגיגה ונוחין לאבדן ככלי זכוכית לא שאין להם תקנה אלא שנפסדין לשעתן ואין כ"כ מתקיימין: עכשיו שיש מים. והכי נמי שהקב"ה יוצר את האדם מטפה קטנה שאין בה ממש וכ"ש שיכול לבראתו מן העפר א"נ כל העולם כולו יצר בתוהו: ואם אי אתה מאמין. שהקב"ה בורא מן העפר: עכבר: שקורין אשקרי"ץ ויש במינו שאין נבראין ע"י תולדה: היום. מתחיל לברא ולצאת מן העפר ולמחר מהלך כשהוא נברא כדאמר בשחיטת חולין בהעור והרוטב: ושמא תאמר לזמן מרובה. שאותו שרץ אינו נברא לאלתר אלא לזמן

קיסר גזאגט צוא רבן גמליאל לאז מיך איך וועל ענטפערן מיין פאטער. צווייא טעפערס זענען דא אין אונזער שטאט. איינער מאכט טעפ פון וואסער: אונ דער אנדערער מאכט טעפ פון ליים. וועלכער איז אגרעסערער מייסטער. האט דער קיסר גזאגט דער וואס מאכט דיא טעפ פון וואסער איז געוויס אגרעסערער מייסטער. האט דיא טאכטער גזאגט צום קיסר מאראך גאט קען בשאפן אמענטשין פון וואסער (פון דעם טראפין זרע). פון דיא ליים אונ ערד וואס ווערט פון דעם גישטארבענעם מענטש. וועט גאט געוויס קענען בשאפן אלעבעדיגען מענטש. דבי רבי ישמעאל האט גזאגט אזוי האט דיא טאכטער גזאגט צו איר פאטער דער קיסר. עס איז אקל וחומר פון אגלעזערנע כלי. מאראך אגלעזערנע כלי וואס זיא איז אויף גיבלאזין גיווארין פון דעם מענטשינס אטעם. אז זיא ווערט צו בראכען. קען מען מאכען פון די שטיקער אנייע כלי. אמענטש וואס ער איז אויף גיבראזין גיווארין פון דעם אטעם פון גאט. אז ער ווערט צוא בראכען (אז ער שטארבט) קען מען פון אים געוויס מאכען אנייעם מענטש. אאפקורוס האט אמאהל גזאגט צוא רבי אמי איר זאגט אז דיא גישטארבענע וועלין לעבעדיג ווערין. דיא גישטארבענע ווערין דאך ערד. אונ ערד קען דען לעבין. האט רבי אמי גזאגט צום אפקורוס איך וועל דיר זאגן אמשל. צו וואס איז דיא זאך גלייך צוא אמלך וואס האט גזאגט צו זיינע קנעכט נייט באהט פון מיינעטוועגין גרויסע פאלאצין אויף אזוי אארט וואס דארטין איז ניטא קיין וואסער אונ ניט קיין ערד. זענען זייא גיגאנגען אונ האבען אויף גיבאהט. דער נאך זענען דיא פאלאצין איין גיפאלען. האט דער מלך גזאגט צו זיינע קנעכט גייט אונ באהט פון מיינעטוועגין אנדערע פאלאצין אויף אזוי אארט וואס דארטין איז יא דא ערד אונ וואסער. האבען די קנעכט גזאגט צום מלך מיר קענען ניט באהען. איז דער מלך אויף זייא אין כעס גיווארין אונ האט גזאגט צו זייא אויף דעם ארט וואס איז נישטא קיין ערד אונ וואסער האט איר גיקענט באהען. אונ אויף דעם ארט וואס עס איז יא דא ערד אונ וואסער. זאגט איר אז איר קענט ניט באהען. ביי גאט איז אויך אזוי. מאראך ער האט גיקענט בשאפען אויף גאר נישט אונ פון גאר נישט אגאנצע וועלט אונ אזוי פיל לעבעדיגע זאכען. וועט ער דאך פון ערד געוויס קענען בשאפען אלעבעדיגען מענטשין. אונ אויב דוא גלויבסט מיר נישט אז גאט בשאפט לעבעדיגע זאכען פון ערד. גיי צום טאהל וועסטו דארט זעהן אזוי אמויז וואס האט היינט אן גיהויבען ארויס צו גיין אונ בשאפען ווערין פון דיא ערד. אונ ער איז נאך העלפט פלייש אונ

מרובה עלה להר וראה שהיום אין בו אלא חלזון אחת למחר ירדו גשמים ונתמלא כולו חלזונות . א"ל ההוא צדוקי לגביהה בן פסיסא אוי לכון חייביא דאמריתון מיתיא חיין דחיין מיתי דמיתי חיין א"ל אוי לכון חייביא דאמריתון מיתי לא חיין דלא הוו הוו דהוו לא כ"ש אמר ליה חייביא קרית לי אי קאימנא בעיטנא בך ופשיטנא לעקמומיתך מינך א"ל אם אתה עושה כן רופא אומן תקרא ושכר הרבה תטול :

ד ת"ר בכ"ד בניסן איתנטילו דימוסנאי מיהודה ומירושלים כשבאו בני אפריקא לדון עם ישראל לפני אלכסנדרוס מוקדון אמרו לו ארץ כנען שלנו היא דכתיב (במדבר לד) ארץ כנען לגבולותיה וכנען אבוהון דהני אינשי הוי אמר להו גביהה בן פסיסא לחכמים תנו לי רשות ואלך ואדון עמהם לפני

פירוש

מרובה שבוע או שבועים והאי כבור שאין הקב"ה מחי' מתים לפי שעה נך עלה להר וכו' : חלזון . תולעת שיולא מן הים אחד לשבעים שנה וצובעין בדמו תכלת ולכתחלה אינו נראה בכל ההר אלא חלזון אחד : ולמחר שהגשמים יורדין מתמלא כולו חלזונות ונראה למורי שביני חלזון משריצות כולן אלמא יש בידו להיות לפי שעה : גביהה בן פסיסא . כך שמו והיתה לו עקמומית בגבו כדמוכח לקמן : ווי לכון חייביא . אוי לכם רשעים : דחיי מתים . אותן שהן חיים רואין אנו שמתים והאיך יעלה על דעתנו שהמתים חוזרין וחיין : דלא הוו . אותן שלא היו בעולם נוצרין ונולדין וחיין אותן שהיו כבר לא כ"ש שחוזרין וחיין : א"ל . מינא : חייביא קרית לי וכו' . לקמהרו בא :
דימוסנאי . עורכין נעני תמס שהיו רוצין ליטול חלק מיהודה ומירושלים : שבאו בני אפריקא לדון וכו' . ובמגלת תענית חשיב להו כל אותן ימים שנעשו בהן נסים [לישראל] וקבעום י"ט ולהכי קאמר הכא בכ"ד בניסן נומר די"ט הוא ואסור בהספד משום נס זה : ארץ כנען לגבולותיה . דלכך ארעא

העלפט ערד . אונ אויף מארגין ווערט ער אשחץ אונ איז אין גאנצן פלייש . טאמער וועסטו זאגין אז עס דאערט אלאנגע צייט ביז פון דיא ערד קומט ארויס דער שרץ . גיי ארויף אויף דעם בארג וועסטו זעהן אז היינט איז נישט מער דא אויף דעם בארג נאר איין ווערעמיל חלזון . אונ דוא וועסט ווארטען ביז מארגין וועסטו זעהן עס וועט גיין רעגין אונ דער גאנצער בארג וועט פול ווערין מיט דיא ווערעמלאך (וואס הייסען חלזון דער חלזון איז אזוי א ווערעמיל וואס ער גייט ארויס פון ים איין מאהל צו זיבעציג יאהר . אונ מען פארבט מיט זיין בלוט תכלת צו ציצית . פריער גייט ארויף אויף דעם בארג . איין חלזון . אונ נאך דעם רעגין ווערט פול דער גאנצער בארג מיט חלזונס) :

אמאהל האט אאפיקורוס גיזאגט צו גביהה בן פסיסא ווייי צו אייך רשעים איר זאגט אז דיא טויטע וועלין לעבעדיג ווערין : אז מיר זעהן דיא לעבעדיגע שטארבען . וועלין דיא טויטע לעבעדיג ווערין . האט גביהה גזאגט צום אפקורוס וויי צו אייך רשעים איר זאגט דיא טויטע וועלין ניט לעבעדיג ווערין . מאדאך דיא מענטשין וואס זענען גאר ניט גיוועז אויף דער וועלט אונ לעבין . דיא וואס זענען שוין אמאהל גיוועזן אויף דער וועלט . איז דען ניט געוויס אז זייא וועלין צוריק קומען אויף דער וועלט אונ . וועלין לעבין . הט דער אפקורוס גזאגט צוא גביהה דוא רופסט מיך רשע . אז איך וועל מיך אויף שטעלין וועל איך אטרעט געבין אויף דיר וועל איך אויס גלייכען דיין קרומע פלייצע . האט גביהה גיזאגט צום אפיקורוס אויב דוא וועסט אזוי טאהן וועט מען דיך רופען דוא ביסט אגרויסער דאקטאר אונ דוא וועסט נעמען פאר דעם פיל געלט :

ד תנו רבנן . דיא רבנן האבען גילערונט דעם פיר אונ צוואנציגסטין טאג אין ניסן זענין צו גינומען גיווארין דיא מענטשין וואס האבען געקריגט אויף דיא יודין אונ האבען גיוואלט נעמען אחלק אין יהודה אונ אין ירושלים . ווארום אמאהל זענען גיקומען מענטשין פון אפריקא צו האבען אמשפט מיט יודין פאר אלכסנדרוס מוקדון . אונ דיא אפריקאנער האבען גיזאגט די לאנד כנען (דאס איז ארץ ישראל) איז אונזערע . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די לאנד כנען צו אירע גרענעצין . ווערט אייער לאנד גירופען דיא לאנד פון כנען . האט איד דאך דיא לאנד אוועק גינומען פון כנען . אונ כנען איז גיוועזן דער פאטער פון די אפריקאנער מענטשין . דארפין מיר ירשענן די א לאנד . הט גביהה בן פסיסא גזאגט צו דיא חכמים גיט מיר רשות אונ איך וועל גיין מיט זייא צום משפט פאר אלכסנדרוס מוקדון . אויב זיי וועלין מיך איין נעמען אונ

לפני אלכסנדרוס מוקדון אם ינצחוני אמרו הדיוט שבנו נצחתם ואם אני אנצח אותם אמרו [להם] תורת משה רבינו נצחתכם נתנו לו רשות הלך ודן עמהם אמר להם מהיכן אתם מביאים ראיה אמרו לו מן התורה אמר אף אני לא אביא לכם ראיה אלא מן התורה שנאמר (בראשית ט) ויאמר ארור כנען עבד עבדים יהיה לאחיו עבד שקנה נכסים עבד למי נכסים למי ולא עוד אלא שהרי כמה שנים שלא עבדתונו אמר להו אלכסנדרוס מלכא החזירו לו תשובה אמרו לו תנה לנו זמן ג' ימים נתן להם זמן בדקו ולא מצאו תשובה מיד ברחו והניחו שדותיהן כשהן זרועות וכרמיהן כשהן נטועות ואותה שנה שביעית היתה:

קיי ארץ כנען ואתם ירשתם אותם שלא כדין דשלם של דכנען אבינו היה:

השוב פעם אחת באו בני מצרים לדון עם ישראל לפני אלכסנדרוס מוקדון אמרו לו הרי הוא אומר (שמות יב) וה' נתן את חן העם בעיני מצרים וישאילום תנו לנו כסף וזהב שנטלתם ממנו אמר גביהה בן פסיסא לחכמים תנו לי רשות ואלך ואדון עמהם לפני אלכסנדרוס אם ינצחוני אמרו להם הדיוט שבנו נצחתם ואם אני אנצח אותם אמרו להם תורת משה רבינו נצחתכם נתנו לו רשות והלך ודן עמהם אמר להם

זייא וועלין געווינען דעם משפט. וועט איר זאגין דעם פראסטין מענטשין וואס צווישען אונז האט איר איין גינומען. אונ אויב איך וועל זייא איין נעמען אונ איך וועל געווינען דעם משפט וועט איר זאגן צו זייא דיא תורה פון משה רבינו האט אייך איין גינומען. האבען דיא חכמים גיגעבין רשות צו גביהה אונ ער איז גיגאנגען מיט זייא צום משפט פאר אלכסנדרוס, האט גביהה גיזאגט צו דיא אפריקאנער פון וואנען ברייננט איר אבעווייזונג אז דיא לאנד איז אייערע: האבען דיא אפריקאנער גיזאגט צוא גביהה אונזער בעווייזונג איז פון אייער תורה: האט גביהה גיזאגט איך וועל אויך ניט ברייננען אבעווייזונג פון קיין אנדער ארט נאר פון דער תורה. עס שטייט אין דער תורה נח האט גיזאגט פאר פלוכט זאל זיין כנען אקנעכט זאל ער זיין צוא זיינע ברידער. אקנעכט וואס האט גיקויפט אלאנד. צוא וועמען גיהער דער קנעכט אונ צו וועמען גיהער דיא לאנד. געוויס גיהער אלץ צום בעל הבית. גיהער דאך אלץ צו שם. אונ מיר זענין דיא קינדער פון שם. דארפין מיר ירשנן דיא לאנד. אונ איך האב נאך ביי אייך צו מאנען. איר זענט דאך אונזערע קנעכט דארפט איר דאך בייא אונז דינען. אונ עס איז שוין אוועק גיגאנגען פיל יאהר וואס איר האט אונז ניט בדינט. האט דער מלך אלכסנדר גיזאגט צוא דיא אפריקאנער ענפערט צוא דעם גביהה וואס ער מאנט ביי אייך. האבן די אפריקאנער גיזאגט צום מלך גיב אונז צייט דרייא טעג. האט דער מלך זייא גיגעבין צייט דרייא טעג. האבען זיי גיקלערט אונ האבען ניט גיוואוסט וואס צו ענפערין. זענען זיי אנטלאפין אונ האבען גילאזין פארזייטע פעלדער אונ גיפלאנצטע ווייגגערטנער. אונ דער יאהר איז גיוועזין דער זיבעטער יאהר דאס איז שמטה:

השוב אמאהל זענען גיקומען די מצריים צו האבין אמשפט מיט יודין פאר אלכסנדרוס מוקדן. די מצריים האבין גיזאגט עס שטייט אין דער תורה גאט האט גיגעבין חן צו דעם פאלק יודין אין די אויגין פון די מצריים. אונ די מצריים האבין פאר בארגט צו די יודין גאלד אונ זילבער אונ קליידער. גיט אונז אפ צוריק די זילבער אונ די גאלד וואס איר האט גינומען ביי אונז. האט גביהה בן פסיסא גיזאגט צו די חכמים גיט מיר רשות אונ איך וועל גיין מיט זיי צום משפט פאר אלכסנדרוס מוקדן. אויב זיי וועלין מיך איין נעמין אונ זיי וועלין געווינען דעם משפט. וועט איר זאגין דעם פראסטין מענטשין וואס צווישען אונז האט איר איין גינומען. אונ אויב איך וועל זיי איין נעמען אונ איך וועל געווינען דעם משפט. וועט איר זאגין צו זיי די תורה פון משה רבינו האט אייך איין גינומען. האבין די חכמים גיגעבין רשות צו גביהה אונ ער איז גיגאנגען מיט זיי צום משפט פאר אלכסנדרוס: האט גביהה גיזאגט צו די מצריים פון וואנען ברייננט איר

אגטין כתבים שלא יטול אחד בחלק חברו כמו בפשוטה הבכורה לישמעאל שלא ליטול במה שנתן

להם מהיכן אתם מביאים ראיה אמרו לו מן התורה אמר להם אף אני לא אביא לכם ראיה אלא מן התורה שנאמר (שם) ומושב בני ישראל אשר ישבו במצרים שלשים שנה וארבע מאות שנה תנו לי שכר עבודה של ששים רבוא ששעבדתם במצרים שלשים שנה וארבע מאות שנה אמר להם אלכסנדרוס מוקדון החזירו לו תשובה אמרו לו תנה לנו זמן ג' ימים נתן להם זמן בדקו ולא מצאו תשובה מיד הניחו שדותיהן כשהן זרועות וכרמיהן כשהן נטועות וברחו ואותה שנה שביעית היתה. ושוב פעם אחת באו בני ישמעאל ובני קטורה לדון עם ישראל לפני אלכסנדרוס מוקדון אמרו לו ארץ כנען שלנו ושלכם שנאמר (בראשית כה) ואלה תולדות ישמעאל בן אברהם וכתיב (שם) ואלה תולדות יצחק בן אברהם אמר להם גביהה בן פסיסא לחכמים תנו לי רשות ואלך ואדון עמהם לפני אלכסנדרוס אם ינצחוני אמרו הדיוט שבנו נצחתם ואם אנצח אותם אמרו להם תורת משה רבינו נצחתכם נתנו לו רשות והלך ודן עמהם אמר להם מהיכן אתם מביאים ראיה אמרו לו מן התורה אמר להם אף אני לא אביא ראיה אלא מן התורה שנאמר (שם) ויתן אברהם את כל אשר לו ליצחק ולבני הפילגשים אשר לאברהם נתן אברהם מתנות אב שכתב אגטין לבניו בחייו ושיגר זה מעל זה כלום יש

אבעווייזונג צו אייערע רייד. האבין די מצרים געזאגט צו גביהה אונזער בעווייזונג איז פון אייער תורה. האט גביהה געזאגט איך וועל אויך ניט ברייגגען אבעווייזונג פון קיין אנדער ארט נאר פון דער תורה. עס שטייט אין דער תורה דאס זיצונג פון די יודין וואס זיי זענען געזעסין אין מצרים. איז געוועזין פיר הונדערט מיט דרייסיג יאהר. בצאהלט אונז פאר די ארבעט וואס זעקס מאהל הונדערט טויזענד מענטשין האבין ביי אייך געארבעט פיר הונדערט מיט דרייסיג יאהר. האט אלעכסנדר מוקדן געזאגט צו די מצריים. זאגט אים אנטווארט. האבין די מצריים געזאגט צו אלעכסנדר גיב אונז צייט דריי טאג. האט אלעכסנדר זיי געגעבין צייט דריי טאג. האבין זיי געקלערט אונ האבין זיי ניט געוואסט וואס צו ענטפערין. זענען זיי אנטלאפין אונ האבין געלאזין פאר זייטע פעלדער אונ געפלאנצטע וויינגערטנער. אונ דער יאהר איז געוועזין דער זיבעטער יאהר. דאס איז שמטה. אמאהל זענען געקומען די קינדער פון ישמעאל אונ די קינדער פון קטורה צו האבין אמשפט מיט יודין פאר אלעכסנדר מוקדן. זיי האבין געזאגט צו די יודין די לאנד כנען איז אונזערע אונ אייערע. ווארום מיר אלע זענען קינדער פון אברהם: אזו ווי עס שטייט אין פסוק דאס זענען די קינדער פון ישמעאל דער זוהן פון אברהם. אונ דאס זענען די קינדער פון יצחק דער זוהן פון אברהם. אונ אברהם האט גענומען נאך אווייב זי האט געהייסין קטורה אונ זיא האט געבארין צו אים קינדער. אונ גאט האט דאך געגעבין די לאנד כנען צו אברהם מיט זיינע קינדער. האט גביהה בן פסיסא געזאגט צו די חכמים גיט מיר רשות אונ איך וועל גיין מיט זיי צום משפט פאר אלעכסנדרוס מוקדן. אויב זיי וועלין מיך איין נעמען אונ זיי וועלין געווינען דעם משפט. וועט איר זאגין דעם פראסטין מענטשין וואס צווישען אונז האט איר איין גענומען. אונ אויב איך וועל זייא איין נעמען אונ איך וועל געווינען דעם משפט. וועט איר זאגין צו זיי דיא תורה פון משה רבינו האט אייך איין גינומען. האבען דיא חכמים געגעבין רשות צו גביהה אונ ער איז געגאנגן מיט זיי צום משפט פאר אלעכסנדרוס. הט גביהה געזאגט צו דיא קינדער פון ישמעאל אונ צו די קינדער פון קטורה פון וואנען ברייגגט איר אבעווייזונג צו אייערע רייד. האבען זייא געזאגט צו גביהה אונזער בעווייזונג איז פון אייער תורה. האט גביהה געזאגט צו זייא איך וועל אויך ניט ברייגגען אבעווייזונג פון קיין אנדער ארט נאר פון דער תורה. ווארום עס שטייט אין דער תורה אברהם הט געגעבין זיין גאנץ פארמעגין צו זיין זוהן יצחק. אונ צו דיא קינדער פון די פילגשים וואס אברהם הט געהאט. האט אברהם געגעבין מתנות. אפאטער וואס האט געשריבען אצוואה ווען ער האט געלעבט אונ ער האט צו טיילט זיין פארמעגין צוא יעדער קינד בזונדער.

יש לזה על זה כלום . מאי מתנות א"ר ירמיה בר אבא
סלכד שמסר להם שם טומאה :

ן א"ל אנטונינוס לרבי גוף ונשמה יכולין לפטור עצמן מן הדין כיצד גוף אומר נשמה חטאה שמיום שפירשה ממני הריני מוטל כאבן דומם בקבר ונשמה אומרת גוף חטא שמיום שפירשתי כמנו הריני פורחת באויר כצפור . א"ל אמשול לך משל למה"ד למלך שהיה לו פרדס נאה והיה בו (פס ע"ב) בכורות נאה והושיב בו שני שומרים אחד חגר ואחד סומא א"ל חגר לסומא בכורות נאות אני רואה בפרדס בא והרכיבני ונביאם לאכלם רכב חגר על גבי סומא והביאום ואכלום לימים בא בעל הפרדס אמר להם בכורות נאות היכן הם א"ל סומא כלום יש לי עינים לראות א"ל חגר כלום יש לי רגלים להלך בהם מה עשה הרכיב חגר ע"ג סומא ודן אותם כאחד אף הקב"ה מביא את הנשמה וזורקה בגוף ודן אותם כאחד שנאמר (תהלים נ) יקרא אל השמים מעל ואל הארץ לדין עמו יקרא אל השמים מעל זו נשמה ואל הארץ לדין עמו זה הגוף :

ליצחק כלום יש לזה ע"ז כלום : שם טומאה . כשוף ומעשה שדים :

בכורות . פירות הבכורות : יקרא אל השמים מעל . כלומר יקרא הקב"ה לנשמה שבאה לו (לאדם בתוך) [לתוך] גופו של אדם מאל השמים ממעל ויקרא אף אל הגוף שבא מן הארץ :

און ער האט אוועק געשיקט איינעם פון אנדערין . האט עפעס איין קינד צוא כאנען בייא דעם אנדערין . געוויס גאר נישט . וואס זענען געוועזען דיא מתנות . רבי ירמיה בר אבא זאגט אברהם הט זיי אויס גילערונט דעם נאמען פון טומאה . ווי אזוי זייא זאלין מאכען כישוף און ווי אזוי זייא זאלין ברענגען מיט שדים :

ן אמר . דער מלך אנטונינוס האט גזאגט צו רבי דער גוף מיט דיא נשמה קענען זיך בעפרייען ווען גאט וועט זייא משפטין אויף זייערע עבירות . וויא אזוי . דער גוף קען זאגין דיא נשמה האט געזינדיגט . ווארום פון דער צייט ווס דיא נשמה איז אפ גישיידט גיווארין פון מיר . ליג איך אין קבר אזוי וויא אשטיין . און טוה ניט קיין עבירה . און דיא נשמה וועט זאגין דער גוף הט געזינדיגט . ווארום פון דער צייט וואס איך בין אפ גישיידט גיווארין פון דעם גוף . פליה איך אין דער לופטין אזוי וויא אפויגיל . און זינדיג גאר ניט . הט רבי גזאגט צו אנטונינוס איך וועל דיר זאגין אמשל צו וואס דיא זאך איז גלייך . אמלך הט אמאהל גיהאט אשיינעם ווייגגארטען . אין דעם ווייגגאהטין איז גיוועזען שיינע פרוכטין צייטיגע . האט דער מלך גיזעצט אין דעם ווייגגארטין צוויי מענטשין זייא זאלין היטען דיא פרוכטין . איינער איז גיוועזען לאהם והינקעדיג] און איינער איז גיוועזען בלינד . האט דער לאמער גזאגט צום בלינדען איך זעה שיינע צייטיגע פרוכטין אין דעם ווייגגארטין . קום איך וועל מיך זעצין רייטין אויף דיר און איך וועל אפ רייסען פרוכטין און מיר וועלין ביידע עסין . איז אזוי גיוועזען דער לאמער האט גערייטען אויף דעם בלינדען און זייא האבען אפ געריסען פרוכטין און האבען גיגעסין . אמאהל איז גיקומען דער מלך אין ווייגגארטין האט ער גיזאגט צו דיא היטערס וואו זענין דיא שיינע צייטיגע פרוכטין . האט דער בלינדער גזאגט האב איך דען אויגין צום זעהן . האט דער לאמער גזאגט האב איך דען פיס צו גיין נעמען . ווס האט דער מלך גיטאהן ער האט ארויף גיזעצט רייטען דעם לאמען אויף דעם בלינדען [אזוי וויא זייא האבען גיטאהן] און ער האט זייא געמשפט צו זאמען . גאט טוהט אויך אזוי ער ברייגגט דיא נשמה און זעצט זיא אריין צוריק אין גוף און ער משפט ביידע צו זאמען . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער וועט רופען צום הימעל פון הויבין . און צו דיא ערד וועט ער רופין] ער זאל משפטין זיין פאלק . ער וועט רופין צום הימעל פון הויבין [דאס מיינט מען ער וועט רופין דיא נשמה וואס זיא איז הויבין אין הימעל] . און צו דיא ערד וועט ער רופין [דאס מיינט מען ער וועט רופין צום גוף וואס ער ליגט אין די ערד] . און ער וועט אריין זעצן דיא נשמה אין דעם גוף . און אזוי וועט ער משפטין ביידע צו זאמען :

ז א"ל אנטונינוס לרבי מפני מה חמה יוצאה במזרח ושוקעת במערב א"ל אי הוה איפכא נמי הכי הוה אמרת לי א"ל הכי קאמינא לך מפני מה שוקעת במערב א"ל כדי ליתן שלום לקונה שנאמר (נחמיה ט) וצבא השמים לך משתחוים א"ל ותיתי עד פלגא דרקיעא ותתן שלמא ותיעול משום פועלים ומשום עוברי דרכים :

ח א"ל אנטונינוס לרבי נשמה מאימתי נתנה באדם משעת פקידה או משעת יצירה א"ל אפשר לחתיכה של בשר עומדת ג' ימים בלא מלח ואינה מסרחת א"ל משעת פקידה (א"ל אין משעת פקידה) אמר

פירוש

מפני מה שוקעת במערב מסובב את כל העולם עד שתחזור למקום זריחתה למזרח ותשקע דאי הוה הכי לא הוה אמינא לך מפני מה שוקעת במזרח דמהך העולם כך הוא ממקום שיצא שם נכנס : כדי ליתן שלום לקונה להקב"ה שהשכינה במערב וכיון שמגעת עד מערב הולכת ומשתחוה לפני הקב"ה שבראה לכך שוקעת ונכנסת כפופה לפני הקב"ה : ותיתי עד פלגא דרקיעא. דאם לכך מתכוונת למה הולכת בתוך המערב תבא עד אמצע של רקיע ותשקע שם ומשם תשתחוה כלפי מערב שכן דרך בני אדם שמשתחוים ברחוק לפני המלך ואינו מתקרב כל כך : משום פועלים. דאילו כן היה מחשיך פתאום שכשהחמה באמצע הרקיע מאירה ביותר וסבורים הם שעדיין יש שהות ביום והיו פועלים שוהין במלאכתן עד שתחשיך ועוברי דרכים [נמי] לא היו יודעים מתי יחשיך לבקש להם בית לינה ולכך שוקעת במערב שכשהולכת ומשפלת והולכת וכלה אורה יודעין שמגיע שעת חשכה :

משעת יצירה שנקרט כולו בבשר וגידין ועצמות : פקידה. משעה שהמלאך פוקד הטפה ומביאה לפני המקום מה תהא עליה כדאמריק בפרק כל היד במסכת נדה מיד מזרקה בו נשמה ותיום : א"ל. רבי משעת יצירה : א"ל. אנטונינוס וכי אפשר לחתיכה שתתקיים אפילו ג' ימים בלא מלח שאינה מסרחת וה"נ אילו לא היתה נשמה נתונה עד שעת יצירה היאך תתקיים הטפה שלא תסריח במעיה וכיון שהטפה מסרחת שוב אינה מולדת (וא"ל אנטונינוס לרבי משעת פקידה : א"ל. רבי אין משעת

ז אמר . דער מלך אנטונינוס האט גזאגט צו רבי פאר וואס גייט ארוים די זוהן אין מזרח . אונ זיא גייט אונטער אין מערב . האט רבי גזאגט צו אנטונינוס אז עס וואלט געוועזן פאר קערט . די זוהן וואלט ארוים גיגאנגען פון מערב אונ וואלט אונטער גיגאנגען אין מזרח . וואלסטו אויך גיפרעגט פאר וואס עס איז אזוי . האט אנטונינוס גזאגט צו רבי אזוי פרעג איך ביי דיר . פאר וואס גייט אונטער די זוהן אין מערב . זאל די זוהן קומען צוריק אין מזרח אונ זאל אונטער גיין אין מזרח . האט רבי גזאגט ווייל גאט איז אין מערב דריבער קומט די זוהן ביז צו מערב אונ זיא בוקט זיך פאר גאט אונ בעדאנקט זיך פאר וואס ער האט איר בשאפין . אונ זיא גייט אונטער . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די ערשאפט פון הימעל בוקען זיך צו דיר . האט אנטונינוס גזאגט צו רבי זאל די זוהן קומען ביז צום האלבין הימעל . אונ זאל זיך בוקין אונ זאל אונטער גיין . האט רבי גזאגט אז די זוהן איז אין האלבין הימעל איז באמאלם די גרעסטע ליכטיגקייט . אז די זוהן וועט פלוצלינג אונטער גיין וועלין די ארבעטער בלייבן שטיין אין דער פינסטער ביי זייער ארבעט . אונ די מענטשין וואס פארין אין וועג וועלין בלייבען שטיין אין מיטען וועג אין דער פינסטער . דריבער גייט די זוהן ביז צו מערב אונ זיא ווערט אלע מאהל טינקעלער . אונ אלע מענטשין ווייסין ווען עס וועט ווערין נאכט . ווייסין די ארבעטער ווען אויף צו ראמען די ארבעט . אונ די מענטשין וואס זענען אין וועג ווייסען ווען אריין צו פארין אין אשטוב נעכטיגען :

ח אמר . דער מלך אנטונינוס האט גיזאגט צו רבי ווען ווערט גינעבין די נשמה אין מענטשין . משעת פקידה ווען דער מלאך בריינגט דעם טראפין זרע פאר גאט אונ ער פרעגט וואס פון דעם טראפין וועט ווערין . דאמאלס קומט אריין די נשמה אין דעם טראפין זרע . אדער משעת יצירה ווען עס ווערט שוין אמענטש פלייש מיט אדערין אונ מיט ביינער דאמאלס קומט אריין די נשמה . האט רבי גיזאגט ווען די יצירה איז קומט אריין די נשמה . האט אנטונינוס גזאגט איז דען מעגליך אז אשטיק פלייש זאל ליגען דריי טעג אן זאלץ אונ זיא זאל ניט פאר שטונקען ווערין . אז די נשמה קומט איצט צו דער יצירה ווען עס איז שוין גיווארין פלייש מיט אדערין אונ ביינער ווי אזוי קען דער טראפין זרע אזוי לאנג ליגען אן אנשמה אונ זאל ניט פאר שטונקען ווערין . גיוויס ווערט ער פאר שטונקען אונ אז דער טראפין זרע איז פאר שטונקען קען שוין פון אים קיין קינד ניט ווערין . האט אנטונינוס גזאגט באלד וויא

אמר רבי דבר זה למדני אנטונינוס ומקרא מסייעו שנאמר (איוב י) ופקדתך שמרה רוחי. אמר ליה אנטונינוס לרבי יצר הרע מאימתי שולט בו באדם משעת יצירה או משעת יציאה אמר ליה משעת יצירה [א"ל] אם כן יבעוט באמו ויצא אלא משעת יציאה אמר רבי דבר זה למדני אנטונינוס והכתוב מסייעו שנאמר (בראשית ד) לפתח חטאת רובץ:

ריש לקיש רמי כתיב (ירמיה לא) בם עור ופסח הרה ויולדת יחדו וכתיב (ישעיה לה) אז ידלג כאיל פסח ותרון לשון אלם כי נבקעו במדבר מים ונחלים בערבה הא כיצד עומדים במומם ומתרפאים. עולא רמי כתיב (שם כה) בלע המות לנצח ומחה ה' אלהים דמעה מעל כל פנים וכתיב (שם סה) כי הנער בן מאה שנה ימות לא יהיה משם עוד עול ימים לא קשיא כאן בישראל כאן באומות העולם מאי בעו

התם

משעת פקידה כדכתיב): למדני אנטונינוס. מדבריו למדתי: ופקדתך שמרה רוחי: משעת פקידה נשמר רוחי: משעת יציאה. כשיוצא ממעי אמו או משעת יצירה: א"ל. רבי משעת יצירה: א"ל. אנטונינוס אם כן בועט במעי אמו ויוצא אלא משעת יציאה:

בם עור ופסח. שחיין עם מומן: וכתיב אז ידלג כאיל פסח. דמשמע שמתרפאין: ועומדין במומן. ואחר כך מתרפאין: בלע המות לנצח. דלעתיד לבא מאחר שחיין שוב אין מתין: כי הנער. כלומר כשימות אדם לעתיד ומת בן ק' שנה יאמרו נער הוא מת כי הנער בן מאה שנה

דער טראפין זעבע קומט אריין אין דיא אשה. קומט אריין אין דיא זעבע אנשמה. האט רבי גזאגט דיא זאך האט מיך גילערנט אנטונינוס. אונ פון פסוק איז אויך אבעווייזונג וויא ער זאגט. אזו וויא עס שטייט אין פסוק ופקדתך שמרה רוחי. ווען דער טראפין ווערט דער מאנט פאר גאט. וואס פון אים זאל זיין; ווערט שוין גהיט אין דעם טראפין דיא נשמה. נאך האט אנטונינוס גזאגט צו רבי ווען קומט דער יצר הרע אין דעם מענטשין. ווען דער מענטש ווערט בשאפען בייא זיין מוטער אין בויך. אדער ווען ער גייט ארויס פון זיין מוטערס בויך. האט רבי גזאגט ווען דער מענטש ווערט בשאפען בייא זיין מוטער אין בויך קומט אין אים דער יצר הרע. האט אנטונינוס גזאגט צוא רבי אז דאס קינד וואס איז בייא דיא מוטער אין בויך וואלט גיהאט איצר הרע. וואלט ער ארויס גינאנגען פון דער מוטערס בויך פאר דיא צייט. נאר ווען ער גייט ארויס פון דיא מוטערס בויך קומט אין אים אריין דער יצר הרע. האט רבי גזאגט דיא זאך הט מיך גילערנט אנטונינוס. אונ פון פסוק איז אויך אבעווייזונג וויא ער זאגט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק לפתח חטאת רובץ. צו די טיר [פון דער מוטערס בויך] ליגט דער יצר הרע. אזוי וויא דאס קינד גייט נאר ארויס פון דער מוטערס בויך. גייט שוין דער יצר הרע אריין אין אים:

ט ריש לקיש האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט צווישען די מתים וואס וועלין לעבעדיג ווערין וועלין זיין בלינדע. מעוברתה אונ היגקעדיגע. אונ געווינערינס. אלע צו זאמען. אזו וויא זייא וועלין שטארבען. וועלין זייא לעבעדיג ווערין. דער וואס וועט שטארבען מיט א פעלער. וועט ער לעבעדיג ווערין מיט דעם זעלביגען פעלער. אונ אין אנדערין פסוק שטייט ווען דיא מתים וועלין לעבעדיג ווערין. דער וואס איז גישטארבען הינקעדיג וועט ער גיזונד ווערין אז ער וועט קענען שפרינגען אזוי וויא א הינד. אונ דער שטומער וועט קענען זינגען. אונ אין דער מדבר וועלין אויף גישפאלטען ווערין קוואלין וואסער. אונ טייכען וועלין זיין אין דיא וויסטע ערטער. נאר אזוי וועט זיין. דיא מתים וועלין אויף שטיין מיט דיא פעלערס דער נאך וועלין זייא גיהיילט ווערין:

עולא האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט דער טויט וועט פאר דארבין ווערין אויף אייביג ודיא מתים וואס וועלין לעבעדיג ווערין וועלין שוין קיין מאהל ניט שטארבין] אונ גאט וועט אפ ווישען די טרערין פון אלע פני ם. אונ אין אנדערין פסוק שטייט דער וואס וועט אלט זיין הונדערט יאהר אונ וועט שטארבען. וועט מען אויף איהם זאגין ער איז יונג גישטארבין. עס וועט דארט ניט זיין א מענטש וואס זאל זיין יונג אין יאהרין. זעהן מיר דאך אז מען וועט יא שטארבין. זאגט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא יודין וועלין ניט שטארבען. אונ גוים וועלין

התם הנך דכתיב בהו (שם סא) ועמדו זרים ורעו צאנכם ובני נכר אכריכם וכורמיכם. רב חסדא רמי כתיב (שם כד) וחפרה הלבנה ובושה החמה כי מלך ה' צבאות וכתיב (שם ל) והיה אור הלבנה כאור החמה ואור החמה יהיה שבעתים כאור שבעת הימים. ל"ק כאן לימות המשיח כאן לעה"ב ולשמואל דאמר אין בין העה"ז לימות המשיח אלא שעבוד מלכיות בלבד לא קשיא כאן במחנה צדיקים כאן במחנה שכינה. רבא רמי כתיב (דברים לב) אני אמית ואחיה וכתיב (שם) מחצתי ואני ארפא אמר הקב"ה מה שאני ממית אני מחיה והדר מה שמחצתי אני ארפא:

י **תנו** רבנן אני אמית ואחיה יכול תהא מיתה בא"ד וחיים באחד כדרך שהעולם נוהג ת"ל מחצתי

יחזה אלמא מהין: וחפרה הלבנה ובושה החמה. משמע שיהא חושך כהה וכתיב והיה אור הלבנה כאור החמה: כאן לימות המשיח. כשיכלה השעבוד יהיה אור הלבנה כאור החמה ולעתיד לבא וחפרה הלבנה ובושה החמה מרוב נגהם של צדיקים: ולשמואל דאמר. בדוכתי אחריתי אין בין העוה"ז לימות המשיח וכו': אידי ואידי לעוה"ב: אלא כאן במחנה שכינה. וחפרה מזיו השכינה: כאן במחנה צדיקים. כאן במחנה רשעים לא גרסינן: כתיב אני אמית ואחיה. דמשמע כשם שאני אמית את האדם כך אני מחייהו כשהוא בעל מום עומד והוי בעל מום: וכתיב מחצתי ואני ארפא. כשהוא מחיה מרפא את המחץ ועומד שלם: והדר מה שמחצתי. שלאחר כן מתרפאים וכדלעיל עומדין במומן ומתרפאין: מיתה באחד וחיים באחד. וה"ק אני ממית אדם זה ומחיה אדם אחר: כדרך שהעולם נוהג.

יא שטארבין. פרעגט דיא גמרא וואס וועלין טאהן דיא גוים אין ירושלים. ענטפערט דיא גמרא דאס וועלין זיין דיא גוים וואס וועלין בדינען דיא יודין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פרעמדע וועלין אויף שטיין אונ וועלין פיטערין אייערע שעפסין אונ פרעמדע וועלין זיין צום האקערין אייערע פעלדער אונ היטען אייערע וויינגערטנער:

רב חסדא האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט דיא לבנה וועט זיך שעמען אונ דיא זוהן וועט זיך שעמען ווייל זייער ליכטיגקייט וועט טונקעל ווערין. ווארום גאט וועט קיניגען אויף דער וועלט. אונ אין אנדערין פסוק שטייט דיא ליכטיגקייט פון דער לבנה. וועט זיין וויא דיא ליכטיגקייט פון דיא זוהן. אונ דיא ליכטיגקייט פון דיא זוהן וועט זיין זיבען מאהל אזוי ליכטיג וויא דיא ליכטיגקייט וואס עס איז גיוועזען דיא ערשטע זיבען טעג וואס דיא וועלט איז בשאפען גיווארין. זאגט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא ווען משיח וועט קומען אונ דיא יודין וועלין ארויס גיין פון גלות. וועט זיין דיא ליכטיגקייט פון דיא לבנה אונ פון דיא זוהן ליכטיגער וויא זייא זענען איצט. אבער צו עולם הבא וועט דיא ליכטיגקייט פון דיא לבנה אונ פון דיא זוהן טינקעלער ווערין. ווייל דיא צדיקים וועלין בעלי כטין די וועלט. פרעגט דיא גמרא נאך שמואלן וואס ער זאגט אז פון איצט ביז צו דער צייט ווס משיח וועט קומען: איז ניט מער אאונטערשייד. נאר וואס איצט זענען מיר אין גלות אונ אז משיח וועט קומען וועט מען אויס גילייזט ווערין פון גלות. אבער דיא ליכטיגקייט פון דיא זוהן מיט דיא לבנה וועט זיין אזוי וויא היינט איז. ווי וועט מען פאר ענטפערין דיא צווייא פסוקים. זאגט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא אין דער מחנה פון דיא צדיקים וועט לייכטען דיא זוהן מיט דיא לבנה. אונ אין דיא מחנה פון דער שכינה וואס דארט וועט זיין דיא ליכטיגקייט פון גאט. וועט זיין דיא זוהן מיט דיא לבנה טונקעל.

רבא האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט אני אמית ואחיה. אזוי וויא איך מאך טויט דעם מענטשין. אזוי וועל איך אים לעבעדיג מאכען. אז ער שטארבט מיט אפעער. למשל אבלינדער. וועט ער לעבעדיג ווערין אויך אבלינדער. אונ אין אנדערין פסוק שטייט מחצתי ואני ארפא. אז דער מענטש וועט לעבעדיג ווערין וועל איך איהם היילין וואס איך האב אים גישלאגען. למשל ער איז גישטארבען אבלינדער. וועט ער לעבעדיג ווערין אזעהעדיגער. ענטפערט דיא גמרא גאט זאגט אזוי וועל איך טאהן. פריער וועל איך לעבעדיג מאכען אזוי וויא איך האב גיטייט. למשל ער איז גישטארבען אבלינדער אונ וועט לעבעדיג ווערין אבלינדער. אלע זאלין אים דער קענען. אז דס איז דער זעלביגער מענטש וואס איז גישטארבען: דער נאך וועל איך היילין וואס איך האב גישלאגען:

תנו רבנן. די רבנן האבין גילערונט גאט האט גיזאגט איך וועל טויט מאכין אונ וועל

ואני ארפא מה מחיצה ורפואה באחד אף מיתה וחיים באחד מכאן תשובה לאומר אין תחית המתים מן התורה. תניא ר"מ אומר מנין לתחית המתים מן התורה שנאמר (שמות טו) אז ישיר משה ובני ישראל שר לא נאמר אלא ישיר מכאן לתחית המתים מן התורה, כיוצא בדבר (יהושע ח) אז יבנה יהושע מזבח בנה לא נאמר אלא יבנה מכאן לתחית המתים מן התורה. [אלא מעתה (מ"א יא) אז יבנה שלמה במה וגו' ה"נ דיבנה אלא מעלה עליו הכתוב כאילו בנה], א"ר יהושע בן לוי מנין לתחית המתים מן התורה שנאמר (תהלים פד) אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה הללוך לא נאמר אלא יהללוך מכאן לתחית המתים מן התורה. וא"ר יהושע בן לוי כל האומר שירה בעה"ז זוכה ואומרה לעה"ב שנאמר אשרי יושבי ביתך וגו'. א"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן מנין לתחית המתים מן התורה שנאמר (ישעיה נב) קול צופיך נשאו קול יחדו ירננו רננו לא נאמר אלא ירננו מכאן לתחית המתים מן התורה. וא"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן עתידין כל הנביאים כולם לומר שירה בקול אחד שנאמר קול צופיך נשאו קול וגו':

בזה מת וזה נולד: מה מחץ ורפוי באחד. ואין רפואה אלא במקום מחץ: ישיר. משמע לעתיד:

אמר

לעבעדיג מאכין. וואלט איך מיינען אזוי זאגט דער פסוק איינעם וועל איך טויט מאכין. דעם אנדערין וועל איך לעבעדיג מאכין. אזוי ווי די וועלט ווערט געפירט איינער שטארבט אונ איינער ווערט געבארין. דריבער שטייט אין פסוק מחצתי ואני ארפא. איך האב געשלאגין אונ האב געהיילט. אזוי ווי שלאגין אונ היילען מוז דאך זיין ביי איין מענטשין. ווארום דעם וואס מען האט ניט געשלאגין. וואס זאל מען אים היילין: אזוי דער טויט מאכין אונ לעבעדיג מאכין מיינט מען אויך אויף איינעם. דעם וואס איך וועל טויט מאכין. דעם זעלביגען וועל איך לעבעדיג מאכין. פון דעם פסוק קען מען אפ פרעגין צו דעם מענטש וואס זאגט אז אין די תורה שטייט ניט אז די מתים וועלין לעבעדיג ווערין. דער פסוק זאגט דאך אז די מתים וועלין לעבעדיג ווערין. מיר האבין געלערנט רבי מאיר זאגט ווא שטייט אין דער תורה אז די מתים וועלין לעבעדיג ווערין. ווארום עס שטייט אין פסוק דאמאלס וועט זינגען משה אונ די יודין די שירה. עס האט געדארפט שטיין משה האט געזונגען. פאר וואס שטייט ער וועט זינגען. פון דאנען ווייסין מיר אז די טויטע וועלין לעבעדיג ווערין. וועט משה אויך לעבעדיג ווערין אונ ער וועט זינגען די שירה. נאך אזוי אגלייכין זאגט דער פסוק. דאמאלס וועט יהושע באהען אמזבח. עס האט געדארפט שטיין יהושע האט געבאהט אמזבח. פאר וואס שטייט ער וועט באהען. פון דאנען ווייסין מיר אז די טויטע וועלין לעבעדיג ווערין וועט יהושע אויך לעבעדיג ווערין אונ וועט באהען אמזבח. ופרעגט די גמרא עס שטייט אין פסוק דאמאלס וועט שלמה באהען אבמה צו די עבודה זרה וועסטו אויך זאגין אז שלמה וועט לעבעדיג ווערין וועט ער באהען אבמה צו די עבודה זרה. נאר אזוי מיינט דער פסוק די ווייבער פון שלמה האבין געבאהט אבמה צו די עבודה זרה. אונ שלמה האט זיי ניט געשטערט רעכונט אויף אים דער פסוק גלייך ווי ער אליין וואלט געבאהט די במה צו די עבודה זרה. רבי יהושע בן לוי זאגט ווא שטייט אין די תורה אז די מתים וועלין לעבעדיג ווערין. ווארום עס שטייט אין פסוק וואהל צו די מענטשין וואס זענין אין דיין שטוב זיי וועלין דיך נאך לויבין אייביג. עס שטייט ניט זיי האבין דיך גילויבט. נאר עס שטייט זיי וועלין דיך לויבין. פון דאנען ווייסין מיר אז די טויטע וועלין לעבעדיג ווערין אונ זיי וועלין לויבין גאט ביז אייביג. נאך האט רבי יהושע בן לוי גיזאגט דער וואס זאגט שירה אויף דער וועלט. איז ער זוכה צו זאגין שירה אויף עולם הבא אויך. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וואהל צו די מענטשין וואס זיצען אין דיין שטוב אונ לויבין דיך. אונ זיי וועלין דיך נאך לויבין ביז אייביג. רבי חייא בר אבא האט גיזאגט פון רבי יוחנן וועגין ווא שטייט אין דער תורה אז די מתים וועלין לעבעדיג ווערין. ווארום עס שטייט אין פסוק דער קול פון דיינע נביאים זיי האבין אויף גיהויבין אקול צו זאגען

אמר (מר זוטרא) [רבא] מנין לתחית המתים מן התורה שנאמר (דברים לג) יחי ראובן ואל ימות יחי ראובן (לימות המשיח) [בעה"ז] ואל ימות לעה"ב. רבינא אמר מהכא (דניאל יב) ורבים מישני אדמת עפר יקיצו. רב אשי אמר מהכא (שם) ואתה לך לקץ ותנוח ותעמוד לגורלך לקץ הימין:

(דף צא ע"ב) **יא אמר** רב יהודה אמר רב כל המונע הלכה מפי תלמיד כאילו גוזלו מנחלת אבותיו שנא' (דברים לג) תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב מורשה היא לכל ישראל מששת ימי בראשית. אמר רב חנא בר ביזנא א"ר שמעון חסידא כל המונע הלכה מפי תלמיד אפילו עוברין שבמעי אמן מקללין אותו שנאמר (משלי יא) מונע בר (דף צב) יקבוהו לאום ואין לאום אלא עוברין שנאמר (בראשית כה) ולאם מלאם יאמץ ואין קב אלא קללה שנאמר (במדבר כג) מה אקב לא קבה אל ואין בר אלא התורה

נביאי קול יחדו. היינו קול אחד: ואתה לך לקץ והנוח והעמד וגו רמז לו במות ויעמוד לאחר כ"ג: לקץ הימין לקץ שעתיד הקב"ה להחזיר ימינו לפניו שהרי כתיב השיב אחור ימינו: המונע הלכה. מללמדו: [מששת ימי בראשית. דכתיב בראשית ברא בשביל התורה שנקראת ראשית וישראל נקראו ראשית תבואתה שעתידין לקבלה ברא אלהים את השמים וגו']. ג. בר: יקבוהו. מנקבים אותו לשון ויקוב חור

װעלין זיי זינגען. עס שטייט ניט זיי האבין געזונגען. נאר עס שטייט זיי װעלין זינגען: פון דאנען װייסין מיר אז די טויטע װעלין לעבעדיג װערין. אונ זיי װעלין זינגען צו גאט. נאך האט רבי חייא בר אבא געזאגט פון רבי יוחנן װעגין אלע נביאים װענין אן געבריייט צו זאגין שירה פאר גאט אלע מיט איין שטימע. װארום עס שטייט אין פסוק דער קול פון דיינע נביאים זיי האבין אויף געהויבין א קול אונ װעלין צו זאמען זינגען. אלע מיט איין קול װעלין זינגען. רבא זאגט װאו שטייט אין די תורה אז די מתים װעלין לעבעדיג װערין. װארום עס שטייט אין פסוק ראובן זאל לעבין אונ זאל ניט שטארבין געווים אז ער װעט לעבין װעט ער ניט שטארבין. נאר אזוי מיינט מען ער װעט לעבין אויף דער װעלט אונ ער װעט ניט זיין געשטארבין צו עולם הבא. װארום ער װעט צוריק לעבעדיג װערין. רבינא זאגט פון דעם פסוק װייסין מיר אז די טויטע װעלין לעבעדיג װערין. פיל פון די װאס שלאפין אין דער ערד װעלין אויף װאכין. רב אשי זאגט פון דעם פסוק גאט האט געזאגט צו דניאל דער װייל גיי צו דיין ענדע אונ װעסט רוהען װדער װייל װעסטו שטארבין. אונ דו װעסט צוריק אויף שטיין צו דיין גורל װען דער רעכטער סוף װעט זיין אז גאט װעט מיט זיין רעכטע האנט אלע קברים עפענען די מתים זאלין אויף שטיין אונ לעבעדיג װערין:

יא אמר. רב יהודה האט געזאגט פון רבס װעגין דער רבי װאס הט פר פעלט אפילו נאר איין דין װאס ער הט ניט געלערנט מיט זיין תלמיד. איז גלייך װי ער װאלט אים אװעק גענומען פון דעם פארמעגין װאס ער הט גירשת פון זיינע עלטערין. װארום עס שטייט אין פסוק די תורה װאס משה האט אונז געבאטין איז דאס אירושה צו די פארזאמלונג פון יעקב די תורה איז אירושה צו אלע יודין פון דעם טאג װאס די װעלט איז בשאפין געװארין: רב חנא בר ביזנא הט געזאגט פון רבי שמעון חסידאס װעגין דער רבי װאס פאר פעלט אפילו נאר איין דין װאס ער האט ניט געלערנט מיט זיין תלמיד. אפילו די קינדער װאס זענין אין זייער מוטערס בויך פלוכין אים. אזוי װי עס שטייט אין פסוק מונע בר יקבוהו לאום. לאום טייטש מען די קינדער װאס זענען אין זייער מוטערס בויך. אזוי װי עס שטייט אין פסוק אויף יעקב מיט עשו װען זיי האבין זיך געשטויסין אין זייער מוטערס בויך ולאום מלאום יאמץ איין קינד װעט זיך שטארקין פון דעם אנדערין קינד. אונ קב איז דער טייטש פלוכין. אזוי װי עס שטייט אין פסוק בלעם האט געזאגט מה אקוב לא קבה אל. װאס זאל איך פלוכין אז גאט פלוכט ניט. אונ בר מיינט מען די תורה. אזוי װי עס שטייט אין פסוק נשקו בר פן יאנף. קושט די תורה טאמער װעט גאט צערענן. אונ אזוי מיינט דר פסוק מונע בר ודר װאס פר מיידט די תורה ער לערנט זי ניט מיט זיין

תורה שנאמר (תהלים ב) נשקו בר פן יאנף עולא בר ישמעאל אומר מנקבין אותו ככברה כתיב הכא יקבוהו לאום וכתיב התם (מ"ב יב) ויקוב חור בדלתו ואמר אביי כי אוכלא דקצרי ואם למדו מה שכרו אמר רבא אמר רב ששת זוכה לברכות כיוסף שנאמר (משלי יא) וברכה לראש משביר ואין משביר אלא יוסף שנאמר (בראשית מב) ויוסף הוא השליט על הארץ הוא המשביר לכל עם הארץ. אמר רב ששת כל המלמד תורה בעולם הזה זוכה ומלמדה לעוה"ב שנאמר (משלי יא) ומרוה גם הוא יורה:

בדלתו: אוכלא דקצרי. כלי של כובסין שהוא ממקב ומזלפין בו מים על הבגדים: ומרוה גם הוא יורא. מי שמורה ומשביע תלמידו בדבר הלכה גם הוא יורה לעוה"ב ל"א מרוה לשון מורה: מרחמם. בעוה"ז ינהגם בעוה"ב: [שתי אותיות. של שם קך במעשי ל"א כל שמות של שם

יב אמר רבי אלעזר כל פרנס שמנהיג את הצבור בנחת זוכה ומנהיגם לעולם הבא שנאמר (ישעיה מט) כי מרחמם ינהגם ועל מבועי מים ינהלם. וא"ר א גדולה דעה שניתנה בין שתי אותיות שנא' (ש"א ב) כי אל דעות ה' וגו'. וא"ר אלעזר כל אדם

תלמיד. יקבוהו לאום וועלין אים פלוכין די קינדער ווס זענען אין זייער מוטערס בוך]. עולא בר ישמעאל זאגט דער ווס לערנט ניט די תורה מיט זיינע תלמידים וועט מען אים לעבערין אזוי ווי אזיפ. דא שטייט יקבוהו לאום. אונ דארט שטייט ויקוב חור בדלתו. אזו ווי ויקוב חור בדלתו איז דער טייטש ער האט גילעבערט אלאך אין די טיר: אזוי מזנע בר יקבוהו לאום מיינט מען; אויך דער וואס פאר מיידט די תורה פון זיינע תלמידים. וועט ער גילעבערט ווערין אזוי ווי אזיפ. אביי זאגט ער וועט גילעבערט ווערין אזו ווי די כלי פון די וועשערס [עוכלא מיינט אזוי ווי די מעהל גייט ארויס פון די לעבער פון אזיפ. אזוי די תורה וואס איז געגליכען צו ברויט וועט אויך ארויס גיין ביסלאכווייז פון דעם תלמיד חכם: ביז ער וועט זי אין גאנצין פאר געסין. ווייל ער לערנט ניט די תורה מיט תלמידים. אונ אביי זאגט אזו ווי די וואסער גייט ארויס פון די לעבער פון אכלי. אזוי די תורה וואס איז געגליכען צו וואסער וועט אויך ארויס גיין ביסלאכווייז פון דעם תלמיד חכם. ביז ער וועט זי אין גאנצין פאר געסין: ווייל ער לערנט ניט די תורה מיט תלמידים] אונ אז ער לערנט תורה מיט תלמידים וואס איז זיין שכר. האט רבא גיזאגט פון רב ששת וועגין ער איז זוכה צו ברכות אזוי ווי יוסף. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וברכה לראש משביר. ברכות זאל זיין צום קאפ פון משביר. משביר מיינט מען יוסף. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק יוסף איז גיוועזן דער גיוועלטיגער אויף דעם לאנד מצרים אונ ער איז גיוועזן דער משביר ודער פאר קויפער תבואה] צום גאנצין פאלק פון לאנד. אונ אזוי ווי יוסף איז גיבענשט גיווארין ווייל ער האט גישפייזט מענטשין מיט ברויט. זייער גוף זאל לעבין. אזוי וועט דער תלמיד חכם גיבענשט ווערין ווייל ער שפייזט מענטשין מיט התורה זייערע נשמות זאלין לעבין. רב ששת זאגט דער וואס לערנט תורה מיט מענטשין אויף דער וועלט. איז ער זוכה ער זאל לערנען תורה מיט מענטשין ווען ער וועט זיין אויף יענע וועלט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ומרוה גם הוא יורה: דער וואס מאכט זאט מענטשין מיט זיין התורה [איין מאהל אויף דער וועלט] וועט ער זאט מאכין מענטשין מיט זיין תורה נאך אמאהל [אויף די אנדערע וועלט]:

יב אמר. רבי אלעזר האט גיזאגט דער פירער וואס פירט די מענטשין פון זיין שטאט מיט גוטע רייד. איז ער זוכה ער זאל זיי פירען אז משיח וועט קומען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק כי מרחמם ינהגם. דער וואס האט רחמנות אויף יודין אויף דער וועלט. וועט ער זייא פירען ווען משיח וועט קומען. אונ ביי קוואלין וואסער וועט ער זיי פירען. דאס מיינט מען ער וועט זיי פירען אזוי ווי די תורה האט אונז גילערנט. וואס די התורה איז געגליכען צו וואסער. נאך האט רבי אלעזר גיזאגט דעה [ווישענשאפט] איז גרויס. ווייל דערווארט דעה שטייט צווישען צוויי נעמען פון גאט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק כי אל דעות ה'. נאך האט רבי אלעזר גיזאגט דער מענטש וואס האט ווישענשאפט וועט ער רייך ווערין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מיט

דאמרינן בעלמא נבאות אות הוא בגנאה של קהלת נבו שהיות לכן מופלאו : ובדעת. מפני כדעת ימלאו כל החדרים הון : כשביל להכך . שנתת למי שאין בו דעה ישימו מזור וגו' :
כל חשך וגו'. כל לילה לפון ונחבא מתלמודי התורה שאין ד"ת נשמעין בתוכו בית : תאכלהו אש לא נופח . זה אשו של גיהנם שאין צריך נפוח : ירע שריד באהלו. מי שרע בעיניו שיש שריד באהלו :

אדם שיש בו דעה לסוף מתעשר שנאמר (משלי כד) ובדעת חדרים ימלאו כל הון יקר ונעים . וא"ר אלעזר כל אדם שאין בו דעת אסור לרחם עליו שנאמר (ישעיה כז) כי לא עם בינות הוא על כן לא ירחמנו עושהו ויוצרו לא יחננו. וא"ר אלעזר כל הנותן פתו למי שאין בו דעה יסורין באין עליו שנא' (עובדיה) לחמך ישימו מזור תחתיך אין תבונה בו ואין מזור אלא יסורין שנאמר (הושע ה) וירא אפרים את חליו ויהודה את מזורו. וא"ר אלעזר כל אדם שאין בו דעת לסוף גולה שנאמר (ישעיה ה) לכן גלה עמי מבלי דעת :

יג **ואמר** ר' אלעזר כל בית שאין דברי תורה נשמעין בו בלילה אש אוכלתו שנאמר (איוב כ) כל חשך טמון לצפוניו תאכלהו אש לא נופח ירע שריד באהלו ואין שריד אלא ת"ח שנאמר (יואל ג) ובשרידים אשר ה' קורא. וא"ר אלעזר כל שאינו מהנה תלמיד חכם מנכסיו אין רואה סימן ברכה לעולם שנאמר (איוב כ) אין שריד לאכלו על כן לא יחיל טובו ואין שריד אלא תלמיד חכם שנאמר ובשרידים אשר ה' קורא :

ואמר

וויסענשאפט וועלין זיינע שטובין פול ווערין מיט טייערע אונ גוטע פארמעגין. נאך האט רבי אלעזר גיזאגט דער מענטש וואס האט ניט קיין וויסענשאפט טאר מען ניט רחמנות האבין אויף אים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ווייל ער איז אפאלק וואס איז ניט פארשטענדיג. דריבער וועט זיין בשעפער אויף אים ניט רחמנות האבין. אונ זיין בשעפער וועט אים ניט געבין חן. נאך האט רבי אלעזר גיזאגט דער וואס גיט זיין ברויט צו דעם מענטש וואס האט ניט קיין וויסענשאפט. וועלין אויף אים קומען יסורים : אזוי ווי עס שטייט אין פסוק לחמך ישימו מזור תחתיך אין תבונה בו. דיין ברויט וואס דו האסט גיגעבין צו דעם מענטשין וואס האט קיין פארשטאנד ניט. דאס וועט דיר טאהן מזור. אונ מזור מיינט מען יסורים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אפרים האט גיזעהן זיין קראנקייט. אונ יהודה האט גיזעהן מזורו. זיינע יסורים. נאך האט רבי אלעזר גיזאגט דער מענטש וואס האט ניט קיין וויסענשאפט וועט זיין דער סוף זיינער אז ער וועט פאר טריבען ווערין פון זיין ארט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דריבער איז מיין פאלק פאר טריבען גיווארין ווייל זיי האבין ניט קיין וויסענשאפט :

יג ואמר. נאך האט רבי אלעזר גיזאגט די שטוב וואס אין איר ווערט ניט גיהערט תורה לערנין ביי נאכט. וועט איר אפייער פאר ברענגען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק כל חשך טמון לצפוניו (אלע נעכט וואס זענען בעהאלטין פון די תורה. וואס מען הערט ניט אין די שטוב תורה לערנען ביי נאכט). תאכלהו אש לא נופח. וועט די שטוב פאר ברענט ווערין אונ דער בעל הבית פון שטוב וועט אויך פאר ברענט ווערין פון אזוי אפייער וואס מען דארף אים ניט אויף בלאזין דאס מיינט מען דעם פייער פון גיהנם. ירע שריד באהלו. דער מענטש וואס אים פאר דריסט וואס ביי אים אין שטוב איז דא אשריד. וועט ער אויך פאר ברענט ווערין פון דעם פייער וואס אין גיהנם : שריד מיינט מען אתלמיד חכם. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ובשרידים אשר ה' קורא. די תלמידי חכמים וואס זיי רופין צו גאט. נאך האט רבי אלעזר גיזאגט דער מענטש וואס גיט ניט פון זיין פאר מעגין צו אתלמיד חכם. וועט ער קיין מאהל ניט זעהן קיין ברכה אין זיין פארמעגין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אין שריד לאכלו. ווייל אשריד עסט ניט פון זיין פארמעגין. על כן לא יחיל טובו. דריבער וועט ער ניט האבין הצלחה אין זיין גוטס. אונ שריד מיינט מען אתלמיד חכם. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ובשרידים אשר ה' קורא. דיא תלמידי חכמים וואס זיי רופין צו גאט :

יד ואמר ר' אלעזר כל שאינו משייר פת על שלחנו אינו רואה סימן ברכה לעולם שנאמר (שם) אין שריד לאכלו על כן לא יחיל טובו. והא"ר אלעזר כל המשייר פתיתים על שלחנו כאילו עובד ע"ז שנאמר (ישעיה סה) העורכים לגד שלחן הממלאים למני ממסך לא קשיא הא דאיכא שלמה בהדיה הא דליכא שלמה בהדיה. ואמר ר' אלעזר כל המחליף בדבורו כאילו עובד ע"ז כתיב הכא (בראשית כז) והייתי בעיניו כמתעתע וכתיב התם (ירמיה י) הבל המה מעשה תעתועים. וא"ר אלעזר לעולם הוי קבל וקיים א"ר זירא אף אנן נמי תנינא בית אפל אין פותחין בו חלונות לראות נגעו ש"מ. ואמר ר' אלעזר כל המסתכל בערוה קשתו ננערת שנאמר (חבקוק ג) עריה תעור קשתך:

טו א"ר טבי א"ר יאשיה מ"ד (משלי ל) שאול ועוצר רחם ארץ לא שבעה מים וכי מה ענין שאול

כל שאינו משייר פת. דצריך לשייר כדכתיב אכול והותר: והא"ר אלעזר כו' שנאמר העורכים וגו'. ככה עושין שמניחין שלחן ערוך במאכל ובמשתה לשם אותה ע"ז שקורין גד וממלאין כוסות של מרקחים נסוכים לע"ז שמה מני: הא. דקאמר אסור: דאיכא שלמה בהדיה. שמביא שלימה לאחר שאכל ויתן על השלחן עם הפתיתים ששייר דמחזי דלשם ע"ז עביד הכי: והא דליכא שלמה בהדיה. מעלי דמזומנים לעניים. הא גדא לגיתים ל"ג: המחליף בדבורו. משנה בדבורו שלא יהא ניכר: הוי קבל וקיים. הוי (עמי) [עניו] ופתיח קבל [לשון] אפל עשה עצמך אפל ושפל: בית אפל אין פותחין בו חלונות לראות את נגעו. כנגע נראה לי בבית כתיב דמשמע נראה ממילא ועוד דכתיב לי ולא לאורי נמצא שאפלתו הצילתו (וכ"ז) [דכ"ז] שאין לכהן רואהו אין מטמא בנגעים: קשתו נגערת. כח קושי אבר שלו נעקר שאינו מוליד שנאמר עריה שאתה מסתכל בה ממש (בערותך הוא) [בערותה היא] תעור קשתך ד"א המסתכל כל המסתכל (ערות אשת) [בעריות דאשת] איש קשתו גבורת ידו נגערת מתקלקלת ומתמעטת כמו וינער ה':

שאול ועוצר רחם ארץ לא שבעה מים [קבר לא שבע ממתים] ועוצר רחם בית הרחם שהוא קבר ועוצר לא ישבע מבעילות, וכן ארץ לא שבעה מים: וכי מה ענין שאול וכו'. למה נסמכו

יד ואמר. נאך האט רבי אלעזר גזאגט דער וואס לאזט ניט אשטיקל ברויט ליגען אויף זיין טיש נאך דעם עסין. נאר ער עסט אויף ביז אין גאנצין. וועט ער קיין מאהל ניט האבען אברכה אין שטוב. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אין שריד לאכלו. אז עס איז ניטא קיין איבער בלייבונג פון זיין עסין. דריבער וועט זיין גוטס ניט האבען הצלחה. פרעגט דיא גמרא רבי אלעזר האט דאך גזאגט דער וואס לאזט שטיקלאך ברויט אויף זיין טיש איז גלייך וויא ער וואלט געדינט עבודה זרה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק העורכים לגד שלחן. זייא גרייטען אטיש מיט עסינוואורג אונ מיט משקה צו די עבודה זרה וואס הייסט גד. הממלאים למני ממסך. אונ זייא פילען אן כוסות מיט משקה אונ שטעלין אויף אטיש צוא דיא עבודה זרה וואס הייסט מני. זאגט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא. אז ער לייגט אויף דעם טיש אגאנצין ברויט אויך צוא דיא שטיקלאך. טאר מען ניט. ווארום צוא דיא עבודה זרה גד פלעגט מען לייגן גאנצע ברויט. אבער נאר שטיקלאך ברויט דארף מען לייגן אויף דעם טיש. ווארום דיא ברכה קומט ניט אויף גאר ניט. נאך האט רבי אלעזר גזאגט דער וואס פר טאהשט זיינע רייד. זיין חבר זאל ניט דער קענען אז ער זאגט אליגען איז גלייך וויא ער וואלט געדינט עבודה זרה. ווארום דא שטייט יעקב האט גזאגט אז איך וועל נארין מיין פאטער מיט מיינע רייד והייתי בעיניו כמתעתע. אונ בייא עבודה זרה שטייט הבל המה מעשה תעתועים, זעהן מיר אז פאר טאהשין דיא רייד איז אזוי וויא עבודה זרה דינען. נאך האט רבי אלעזר געזאגט אייביג זאל אמענטש זיין בייא זיך פינסטער אונ נידעריג וועט ער לעבין. רבי זירא זאגט מיר האבען אויך אזוי געלערנט אפינסטערע שטוב עפינט מען ניט אין איר פענסטער צו זעהן דיא נגע. נאר זיא בלייבט טהור. זעהן מיר אז דיא פינסטערקייט איז אטובה. נאך האט רבי אלעזר גזאגט דער וואס קוקט אויף דיא ערוה פון אאשה ווערט דער גליד זיינר וייך אז ער קען ניט געבארין קיין קינדער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עריה תעור קשתך: די ערוה טוהט צו ברעכין די שטארקייט פון דעם מענטשין:

טו אמר. רבי טבי האט גזאגט פון רבי יאשיהם וועגין עס שטייט אין פסוק דרייא זאכען ווערין ניט זאט. שאול דער קבר ווערט ניט זאט פון דיא מתים. ועוצר רחם אונ דאס מוטער לייב פון אאשה ווערט ניט זאט מיט דיא שכבת זרע פון מאן. ארץ לא שבעה מים

שאיל אצל רחם אלא לומר לך מה רחם מכניס ומוציא אף שאול מכניס ומוציא והלא דברים ק"ו ומה רחם שמכניסים בו בחשאי מוציאין ממנו בקולי קולות שאול שמכניסין בו בקולות אינו דין שמוציאין הימנו בקולי קולות מכאן תשובה לאומרים אין תחית המתים מן התורה. תנא דבי אליהו צדיקים שעתיד הקב"ה להחיותן אינם חוזרים לעפרם שנאמר (ישעיה ד) והיה הנשאר בציון והנותר בירושלים קדוש יאמר לו כל הכתוב לחיים בירושלים מה קדוש לעולם קיים אף הם לעולם קיימין (ע"ג) ואם תאמר אותם (אלף) שנים שעתיד הקב"ה לחדש בהן את עולמו שנאמר (שם ב) ונשגב ה' לבדו ביום ההוא צדיקים מה הם עושים הקב"ה עושה להם כנפים כנשרים ושטין על פני המים שנאמר (תהלים מו) על כן לא נירא בהמיר ארץ וגו' ושמא תאמר יש להם צער ת"ל (ישעיה מ) וקוי ה' יחליפו כח יעלו אבר כנשרים ירוצו ולא ייגעו ילכו ולא ייעפו. ונילף ממתים שהחיה יחזקאל סבר לה כמ"ד באמת משל היה דתניא

כמי אהדדי: מכניס. הזרע ומוציא הולד אף שאול מכניס ומוציא לתחיית המתים: שמכניסין בו בקולי קולות. בבכי גדול קוברין את המת: אינו דין שמוציאין אותו בקולי קולות. שנא' יתקע בשופר גדול: שעתיד הקב"ה להחיות. לימות המשיח לאחר מיתן: שוב אין חוזרין לעפרן. בין (לימות המשיח בין לעה"ב) אלא בבשר מתקיים עליהם עד שישובו ויחיו לעתיד לבא: ואותן שנים שעתיד הקב"ה לחדש את עולמו. ויהיה עולם זה חרב אלף שנים אותן צדיקים היכן הם הואיל ואינן נקברים בארץ: לא נירא בהמיר ארץ. כשמחליף הקב"ה את הארץ לא נירא לפי שאנו בלב ימים: וקוי ה' יחליפו כח. שיהא להם כח לשוט ולעוף בלי צער: ונילף ממתים שהחיה יחזקאל. שחזרו ומתו כך צדיקים שעתיד להחיות יחזרו לעפרם כך

און דיא ערד ווערט ניט זאט מיט וואסער) . פאר וואס שטייט שאול נעבין רחם . נאר צו זאגין דיר אזוי וויא דאס מוטער לייב פון אשה נעמט אריין אין זיך דיא זרע און גיט ארוס פון זיך אקינד . אזוי דער קבר נעמט אריין אין זיך אטויטען מענטש און וועט ארויס געבין פון זיך אלעבעדיגען מענטש . און דיא זאך קען מען אפ לערנען מיט אקל וחומר . מאראך דאס מוטער לייב וואס מען ברייננגט אריין איננווייניג דיא זרע אין דער שטיל ; נעמט מען ארוים דם קינד פון דעם מוטער לייב מיט גרוים גישריא . דער קבר וואס מען לייגט אריין אין אים דעם מת מיט גרוים גישרייא . איז דאך געוויס אז מען וועט פון איהם ארוים נעמען צוריק דעם מענטש לעבעדיג מיט גרוס גישריי. אזו ווי עם שטייט אין פסוק ווען די מתים וועלין דארפין לעבעדיג ווערין . וועט מען פריער בלאזין מיט אגרויסען שופר , פון דעם פסוק קען מען פרעגין אויף דיא מענטשין וואס זאגין אז תחית המתים שטייט ניט אין דער תורה. דבי אליהו הט גילערונט דיא צדיקים וואס גאט וועט זייא לעבעדיג מאכען. וועלין שוין גיט מער שטארבען . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער וואס וועט בלייבען אין ציון און דער וואס וועט בלייבען אין ירושלים וועט צו אים גזאגט ווערין קדוש . דער וואס וועט פאר שריבען ווערין צום לעבין אין ירושלים . אזוי וויא גאט וואס ער ווערט גערופין קדוש . לעבט אייביג ; אזוי דיא צדיקים וועלין לעבין אייביג . אויב דוא וועסט פרעגין דיא טויזענד יאהר וואס דיא וועלט וועט זיין וויסט (און דיא גאנצע וועלט זיין וואסער אזוי וויא עס איז גיוועזען איידער דיא וועלט איז בשאפען גיווארין) . און גאט וועט אין דיא יאהרין בעניייען דיא וועלט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט אליין וועט גיגרייסט ווערין אין דעם טאג (און אטאג פון גאט איז טויזענד יאהר) וואו וועלין זיין דיא צדיקים אין דיא טויזענד יאהר . נאר גאט וועט זייא מאכען פליגול אזוי וויא דיא אדלערס און זייא וועלין פליהען איבער דעם וואסער . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דריבער וועלין מיר ניט מורא האבען ווען דיא וועלט וועט אומגיטאהשט ווערין ; טאמער וועסטו זאגין דיא צדיקים וועלין האבען צער פון דעם פליהען . שטייט אין פסוק די וואס האפען צוא גאט וועלין אומטאהשין זייער כח . זייא וועלין אויף גיין אין דיא הייך מיט פליגול אזוי וויא דיא אדלערס זייא וועלין לויפען און וועלין ניט מיד ווערין זייא וועלין גיין און וועלין ניט מיד ווערין ; פרעגט די גמרא לאמיר אפ לערנען פון דיא מתים וואס דער נביא יחזקאל האט לעבעדיג גימאכט . וואס זייא

דתניא רבי אליעזר אומר מתים שהחיה יחזקאל עמדו על רגלידם ואמרו שירה ומתו ומה שירה אמרו ה' ממית בצדק ומחיה ברחמים רבי יהושע אומר שירה זו אמרו (שמואל א ב) ה' ממית ומחיה מוריד שאול ויעל. רבי יהודה אומר אמת משל היה א"ל רבי נחמיה אם אמת למה משל ואם משל למה אמת אלא באמת משל היה. ר' אליעזר בנו של ר' יוסי הגלילי אומר מתים שהחיה יחזקאל עלו לא"י ונשאו נשים והולידו בנים ובנות. עמד ר' יהודה בן בתירא על רגליו ואמר אני מבני בניהם והללו תפילין שהניח לי אבי אבא מהן. ומאן נינהו מתים שהחיה יחזקאל אמר רב אלו בני אפרים שמנו לקץ וטעו שנאמר (ד"ה א ז) ובני אפרים שותלח וברד בנו ותחת בנו ואלעדה בנו ותחת בנו וזבד בנו ושותלח בנו ועזר ואלעד והרגום אנשי גת הנולדים בארץ

שמעתי יחזקאל הגלה נביכדנצר עם יכניה מלך יהודה והיה יחזקאל מתנבא בבבל ויכניה בא"י באותן י"א שנה שמלך צדקיה: באמת. בברור: משל היה. שהיה מרמז (לעם) [להם] על הגלות כאדם מת שהוזר וחי כך ישראל ישובו מן הגלות: מהן. שאותן תפילין היו שלהם: שמנו לקץ. של יצ"מ: וטעו. שלא היה להם למנות גזרת ועבדום ועינו אותם אלא משנולד יצחק דהא דכתיב כי גר יהיה זרעך (בארץ לא להם) זה יצחק דכתיב בו כי ביצחק יקרא לך זרע והם מנו משעת הדבור לאברהם והניא כה"ע אברהם אבינו בשעה שנדבר עמו בין הבתרים בן ע' שנה היה ומבין הבתרים עד שנולד יצחק היו ל' שנה כדכתיב ואברהם בן מאת שנה בהולד לו את יצחק בנו נמצאת אומר מבדבר עמו בין הבתרים עד שיצאו ממצרים היו ד' מאות ואותן ל' שמן הדיבור עד לידת יצחק טעו בני אפרים ומנין שבני אפרים הן שיצאו קודם זמנם ונהרגו שנאמר

זענען צוריק געשטארבן. טאמער וועלין זיין דיא מתים וואס ווערין לעבעדיג ווען משיח וועט קומען. זייא ווערין צוריק שטארבן. ענטפערט דיא גמרא דבי אליהו האלט וויא דער וואס זאגט אז יחזקאל האט קיין מאהל ניט לעבעדיג געמאכט מתים נאר באמת משל היה. דאס איז געווים געוועזן נאר א משל. אזוי וויא א טויטער וואס ווערט צוריק לעבעדיג: אזוי וועלין זיין די יודין ווען זייא וועלין אויס געלייזט ווערין פון גלות. ווארום מיר האבען געלערנט רבי אליעזר זאגט דיא מתים וואס יחזקאל האט לעבעדיג געמאכט האבען זיך אויף געשטעלט אויף זייערע פיס. אונ האבען געזאגט שירה אונ זענען צוריק געשטארבן. וואס איז געוועזן דיא שירה וואס זייא האבען געזאגט. גאט מאכט טויט דעם מענטשין מיט גירעכטיגקייט. אונ ער מאכט איהם לעבעדיג מיט רחמנות. רבי יהושע זאגט דיא שירה האבען זייא געזאגט גאט מאכט טויט אונ מאכט לעבעדיג ער נידערט אראפ פון דעם מענטשין אין גרוב אונ ברייננגט איהם אויף פון גרוב. רבי יהודה זאגט אמת משל היה. האט רבי נחמיה געזאגט צוא רבי יהודה איז דאס געוועזן אמת איז דאך ניט געוועזן א משל. איז דאס געוועזן א משל איז דאך ניט געוועזן אמת. נאר אזוי האט געזאגט רבי יהודה באמת משל היה דאס איז געווים געוועזן נאר א משל. רבי אליעזר דער זוהן פון רבי יוסי הגלילי זאגט דיא מתים וואס יחזקאל האט לעבעדיג געמאכט זענען אויף געגאנגען אין ארץ ישראל אונ האבען גענומען ווייבער אונ האבען געבאהרין זיהן אונ טעכטער. רבי יהודה בן בתירה האט זיך געשטעלט אויף זיינע פיס אונ האט געזאגט איך בין פון זייערע אייניקלאך. אונ דאס זענען זייערע תפלין וואס מיין זיידע האט מיר גילאזין. ווער זענין געוועזן דיא מתים וואס יחזקאל האט לעבעדיג געמאכט. האט רב געזאגט דאס איז פון שבט אפרים. וואס זייא האבען געציילט דעם סוף פון די פיר הונדערט יאהר וואס דיא יודין האבען גידארפט זיין אין מצרים. אונ זייא האבען זיך טועה געוועזן אין רעכענונג. נאך זייער רעכענונג האבען זיך דיא פיר הונדערט יאהר אויס געלאזט מיט דרייסיג יאהר פריער וויא דיא יודין זענין ארויס געגאנגען פון מצרים. דריבער זענען זייא ארויס געגאנגען פון מצרים מיט דרייסיג יאהר פריער אונ דיא פלשתים האבען זייא גיהרגעט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא קינדער פון אפרים זענען געוועזן שותלח אונ זיין זוהן ברד אונ זיין זוהן תחת אונ זיין זוהן אלעדה אונ זיין זוהן תחת אונ זיין זוהן זבד אונ זיין זוהן שותלח אונ זיין זוהן עזר אונ אלעד אונ דיא מענטשין פון גת האבען זייא גיהרגעט. אונ זייער פאטער אפרים האט גימרויערט אויף זייא

בארץ וגו' וכתיב (שם) ויתאבל אפרים אביהם ימים רבים ויבואו אחיו לנחמו . ושמואל אמר אלו בני אדם שכפרו בתחית המתים שנאמר (יחזקאל ל"ז) ויאמר אלי בן אדם העצמות האלה כל בית ישראל המה הנה אומרים יבשו עצמותינו ואבדה תקותנו נגזרנו לנו . ר' ירמיה בר אבא אמר אלו בני אדם שאין בהם לחלוחית של מצוה שנאמר (שם) העצמות היבשות שמעו דבר ה'. ר' יצחק נפחא אמר אלו בני אדם שחיפו את ההיכל כולו שקצים ורמשים שנאמר (שם ח) ואבא ואראה והנה כל תבנית רמש ובהמה ושקץ וכל גלולי בית ישראל מחוקה על הקיר סביב (כתיב הכא סביב) וכתיב התם (יחזקאל לז) והעבירני עליהם סביב סביב. ר' יוחנן אמר מתים שבבקעת דורא (דא"ר) [וא"ר] יוחנן מנהר אשל עד רבתי בקעת דורא (דא"ר יוחנן בשעה) [שבשעה] שהגלה נבוכדנאצר את ישראל היו בהן בחורים שהיו מגנין את החמה ביופין והיו כשדיות רואות אותם ושופעות זיבות אמרו

ובני אפרים שותלח וגו' ותרגום אנשי גת: ושמואל אמר. מתים שהחיה יחזקאל אלו בני אדם שכפרו בתחיית המתים שנא' אבדה תקותנו: העצמות האלה כל בית ישראל המה. עצמות הללו סימן לכל ישראל הן שעתידה להן תחיית המתים כמו לאלו שהרי אלו אמרו אבדה תקותנו ועכשיו ידעו שאני מחיה את המתים וסימן זה לכל ישראל שגם הם עתידין להחיות ולא מן הדין חיו דהא אמרן הכופר בתחיית המתים אין לו חלק לעוה"ב אלא משום סימן חיו: שחיפו ההיכל. שהיו מציירין צלמים על קירות ההיכל דכתיב ואבא ואראה מחוקה על הקיר סביב: וכתיב והעבירני עליהם סביב. כלומר על אותן אנשים שכתוב עליהם סביב עבר עליהם יחזקאל להחיותן: אלו מתים שבבקעת דורא, שהמית נבוכדנאצר מלך בבל על שהיו יפים כדלקמן: מנהר אשל עד רבתי. מקומות כן היו בבקעת דורא:

פיל צייטין אונ זיינע ברידער זענען גיקומען צו טרייסטין איהם . דיא מענטשין האט יחזקאל לעבעדיג גימאכט. שמואל זאגט דיא מענטשין וואס זייא האבען גזאגט ווען זייא האבען גילעבט אז מתים וועלין ניט לעבעדיג ווערין . דיא מענטשין האט יחזקאל לעבעדיג גימאכט צוא ווייזין אז מתים קענען יא לעבעדיג ווערין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט צו מיר . בן אדם . דיא ביינער וועלין זיין אסימן פאר אלע יודין . דיא מענטשין ווען זיי האבען גילעבט האבען זייא גזאגט אונזערע ביינער וועלין טרוקען ווערין אונזער האפענונג איז פארלארין מיר זענען פאר שניטען גיווארין . אז דיא יודין וועלין זעהן דיא מתים זענען לעבעדיג גיווארין וועלין זייא אלע גלויבין אז זייא וועלין אויך לעבעדיג ווערין . רבי ירמיה בר אבא זאגט דיא מענטשין וואס זענין לעבעדיג גיווארין . ווען זייא האבען גילעבט איז אין זייא ניט גיוועין קיין פייכטקייט פון מצות . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איר טרוקענע ביינער הערט צו דיא רייד פון גאט . זעהן מיר אז דיא ביינער זענען גיוועין טרוקען פון גאטס רייד . רבי יצחק נפחא זאגט דיא מענטשין וואס זענען לעבעדיג גיווארין האבען אמאהל בדעקט דעם בית המקדש מיט אלע ערלייא מיאוסה זאכען . דאס מיינט מען זייא האבען אויס גימאלט אויף דיא וועגט פון בית המקדש מיאוסה זאכען אונ צלמים . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך בין גיקומען אונ האב גיזעהן אלע צורות פון דיא קליינע מיאוסה זאכען וואס קריכט אויף דיא ערד אונ דיא צורות פון בהמות אונ דיא צורות פון גרויסע מיאוסה זאכען אונ אלע עבודה זרות פון די יודין מחוקה על הקיר סביב איז אויס געקריצט אויף דיא ווענט ארום . דא שטייט דער ווארט סבב . אונ דארט ביא דיא מתים שטייט אויך ער האט מיך געפירט נעבין זייא סביב סביב. ארום אונ ארום . האט יחזקאל גימיינט איך בין גינאנגען ארום דיא מתים וואס ביי זיי שטייט דער ווארט סביב איך זאל זייא לעבעדיג מאכען . זעהן מיר אז דיא מענטשין וואס יחזקאל הט לעבעדיג גימאכט זענען דיא זעלביגע מענטשין וואס האבען גימאלט דיא צורות אויף די ווענט פון בית המקדש . רבי יוחנן זאגט דיא מתים וואס יחזקאל האט לעבעדיג גימאכט זענען גיוועין דיא מענטשין וואס זענען גישטארבען אין בקעת דורא . וואס נבוכדנצר הט זייא גיהרגת . נאך האט רבי יוחנן גזאגט דיא אלע ערטער וואס פון טייך אשל ביז דעם ארט רבתי זענען גיוועין אין דעם טאהל וואס הייסט דורא . ווען נבוכדנצר האט פארטריבען דיא יודין איז גיוועין צווישען דיא יודין אזעלכע שיינע יונגע לייט וואס זענען גיוועין שענער וויא דיא זוהן . דיא זוהן

אמרו לבעליהן ובעליהן למלך וצוה המלך והרגום ועדיין היו שופעות זיבות וצוה המלך ורמסום:

טז תנו רבנן בשעה שהפיל נבוכדנאצר חנניה מישאל ועזריה לכבשן האש אמר ליה הקב"ה ליחזקאל לך והחיה מתים בבקעת דורא כיון שהחיה אותם באו עצמות וטפחו (לו לנבוכדנאצר) [לאותו רשע שחיק טמיא] על פניו אמר מה טיבן של אלו א"ל חבריהם של אלו מחיה מתים בבקעת דורא פתח ואמר (דניאל ג) אתוהי כמה רברבין ותמהוהי כמה תקיפין מלכותיה מלכות עלם וגו' א"ר יצחק יוצק זהב רותח לתוך פיו של (נבוכדנאצר) [אותו רשע שחיק טמיא] שאלמלא בא מלאך וסטרו על פיו בקש לגנות כל שירות ותושבחות שאמר דוד בספר תהלים. ת"ר ששה נסים נעשו באותו היום אלו הן צף הכבשן ונפרץ

שופעות. מחמת החום וצוה המלך והרגום: ועדיין היו שופעות. שהיה ניכרת זיו האש וצוה המלך ורמסום:
באו עצמות. מן הבקעה וטפחו לו לנבוכדנאצר על פניו ובלבו נכנס והיה אומר שמאותן עצמות היו לו כלים וכשהגיע שעה שהיו טפחו לו על פניו כשהיה רוצה לשתות בהם: חבריהם של אלו מחיה מתים. על יחזקאל היו אומרים שהיה חבר של חנניה מישאל ועזריה ונבוכדנאצר היה יודע שהקב"ה מחיה אותם: פתח ואמר. להקב"ה: אתוהי רברבין. פסוק הוא: יוצק זהב רותח. משום דקא מיירי בשבחו דנבוכדנאצר נקיט נמי לישנא מעליא ולשון קללה: סטרו. הכהו מאחורי ידו: לגנות. שהיה משבחו בשבחות נאות יותר מדוד ואילו אמרן הקב"ה היה נוטה אחריהם יותר מאחרי השירות שעשה דוד: באותו יום. שהשליכן לכבשן: צף הכבשן. שהכבשן היה משוקע בארץ כעין כבשן של סיד וצף ועומד ע"ג קרקע כדי שיראוהו כל העולם: נפרץ

האט אויס געזעהן טונקעלער פאר זייער פנים. אז די נקבות פון די כשדים האבען געזעהן די יונגע מענטשין האט אן געהויבען צו גיסען פון זייא בלוט פון גרויס תאוה האבען זיי דאס געזאגט צוא זייערע מאנען. אונ די מאנען האבען דאס געזאגט צום מלך נבוכדנצר. האט דער מלך געהייסען מען זאל זייא הרגנען. אבער נאך זייער טויט זענען זייא נאך אויך שיין געוועזן. אונ אז די ווייבער האבען זייא געזעהן. האבען זייא נאך געהאט גרויס תאוה צו זייא. אונ פון דער תאוה האט זיך נאך געגאסין בלוט פון זייא. האט דער מלך געהייסען האט מען זייא צוא טרעטין. די מענטשין האט יחזקאל לעבעדיג געמאכט:

טז תנו רבנן. די רבנן האבען געלערנט ווען נבוכדנאצר האט אריין געווארפען חנניה מישאל ועזריה אין דעם ברענענדיגען הויבין. האט גאט געזאגט צוא יחזקאל גיי מאך לעבעדיג די מתים וואס ליגען אין דעם טאהל דורא. וויא יחזקאל האט זייא לעבעדיג געמאכט זענען געקומען די ביינער פון דעם טאהל אונ זייא האבען געשלאגען אויף דעם פנים פון נבוכדנצר ואנדערע זאגין נבוכדנצר האט געהאט כלים וואס זענען געמאכט געווארין פון די ביינער פון די מתים וואס זענען געוועזן אין דעם טאהל דורא. אונ וויא די מתים האבען געדארפט לעבעדיג ווערין. איז געווארין אלעבעדיגקייט אין די כלים. אונ אז נבוכדנצר האט געוואלט טרינקען פון די כלים. האבען די כלים אים געשלאגען אויף דעם פנים. האט נבוכדנצר געפרעגט וואס איז מיט די כלים. האט מען געזאגט צוא איהם דער חבר פון די דרייא מענטשין וואס דוא האסט אריין געווארפען אין פייער. מאכט לעבעדיג די מתים וואס ליגען אין דעם טאהל דורא. האט נבוכדנצר אן געהויבען צוא זאגען ווי גרויס זענען די צייכנס פון גאט. וויא שטארק זענען זיינע וואונדער זיין קיניגרייך איז אאייביגע קיניגרייך. רבי יצחק האט געזאגט הלואי וואלט אריין געגאסען געווארין הייסע גאלד אין די מויל פון נבוכדנצר אונ ער וואלט דאס ניט געזאגט. ווארום ווען עס וואלט ניט געקומען אמלאך זאל איהם אפאטש געבין אויף זיין מויל ער זאל אויפהערין צוא זאגין. האט ער געוואלט זאגן אזעלכע לויב פאר גאט וואס זייא וואלטין געווען שענער ווי די לויב וואס דוד המלך האט געזאגט אין ספר תהלים. אונ ווען נבוכדנצר וואלט יא געזאגט זיינע לויב פאר גאט. וואלט גאט זיך געצויגען נאך נבוכדנצר מער ווי נאך דוד. דריבער האט דער מלאך איהם אפאטש געטאהן אויף דעם מויל ער זאל אויף הערין צוא זאגין:

די רבנן האבען געלערנט זעקס נסים זענען געשאהן געווארין אין דעם טאג וואס מען

ונפרץ הכבשן והומק סורו ונהפך צלם על פניו ונשרפו ד' מלכיות והחיה יחזקאל את המתים בבקעת דורא וכולהו גמרא וד' מלכיות קרא דכתיב (שם) ונבוכדנצר מלכא שלח למכנש לאחשדרפניא סגניא ופחותא אדרגזריא גדבריא דתבריא תפתיא וכל שלטוני מדינתא וגו'ן וכתיב (שם) ומתכנשין אחשדרפניא סגניא ופחותא והדברי מלכא חזין לגובריא אלך וגו' . תנא דבי ר' אליעזר בן יעקב אפילו בשעת הסכנה לא ישנה אדם את עצמו מן הרבנות שלו שנאמר (שם) באדין גובריא אלך כפיתו בסרבליהון פטשיהון וכרבלתהון וגו' . א"ר יוחנן (דף צג) גדולים צדיקים יותר ממלאכי השרת שנאמר (שם) ענה ואמר הא אנה חזה גוברין ארבעה שרין מהלכין בגוא נורא והבל לא איתי בחון ורוה די רביעיא דמה לבר אלהין :

אמר

הכבשן . נפלו קצת כותליו כדי שיוכלו כולם לראות בתוכו : הומק סורו . נשפל גאותו כמו סורו רע לשון אחר הודו כמו יהודו נשתלשל וכן לימדנו ר' יעקב בר יקר אבל מורי גריס וזומק סידו סיד הכבשן נמחה מרוב המימות כך שמעתי והיתה הולכת למרחוק ושבבה של אותו הסיד נשרפו אותן שהשליכו חנניה מישאל ועזריה לתוך כבשן האש : נהפך צלם . של זהב על פניו : ארבע מלכיות . מלכים ואנשיהם שסייעו לנבוכדנאצר להשליך חנניה מישאל ועזריה לתוך האור : מקראי נפקי . דכתיב ונבוכדנאצר מלכא שלח למכנש לאחשדרפניא וגו' ולבסוף אחר שיצאו מן הכבשן כתיב ומתכנשין אחשדרפניא סגניא ופחותא והנך דלא כתיבי נשרפו : אל ישנה אדם מן הרבנות שלו . שהרי חנניה מישאל ועזריה היו לובשין בגדי תפארתן כשהושלכו לכבשן . אל ישנה שלא יראה מבוהל ומפוחד מהבהלין : פטשיהון וכרבלתהון . עניני מלבושין : גדולים צדיקים יותר ממלאכי השרת . דברישא חשיב תלתא צדיקי ומלאך לבסוף דכתיב ורוה די רביעאה דמה לבר אלהין :

האט אריין געווארפען חנניה מישאל אונ עזריה אין דעם ברענענדיגען הויבין . דאס זענען דיא זעקס נסים . דער הויבין איז געוועזען אזוי וויא אזרוב אין דער ערד . . אונ ער איז אויף געהויבען געווארין צוא זיין גלייך מיט דיא גאנצע ערד . אונ דיא ווענט פון הויבין זענען צוא בראכין געווארין . אלע זאלין קענען זעהן דעם נס וואס אין הויבין וועט ווערין . אונ דיא וואפנע איז צו שאמען געווארין פון היץ איז דער פלאם גינאנגען גאנץ וייט אונ דריבער האט ער פאר ברענט דיא מענטשין וואס האבען אריין געווארפען חנניה מישאל ועזריה אין דעם הויבין . אונ דער צלם איז אומגיפאלען אויף זיין פנים . אונ פיר מלכים מיט זייערע מענטשין וואס זייא האבען גיהאלפען אריין ווארפען חנניה מישאל ועזריה אין דעם הויבין זענען אויך פאר ברענט געווארין . אונ יחזקאל האט לעבעדיג גימאכט דיא מתים וואס זענען געוועזען אין דעם טאהל דורא . אונ דיא אלע נסים האט גילערנט איין תנא פון אנדערין אז אזוי איז געוועזען . נאר אז פיר מלכים זענען פאר ברענט געווארין דאס שטייט אין פסוק . ווארום עס שטייט אין פסוק דער מלך נבוכדנצר האט געשיקט פאר זאמלען אחשדרפניא סגניא פחותא אדרגזריא גדבריא דתבריא תפתיא אונ אלע געוועלטיגערס פון דיא מדינות . דאס איז געוועזען פאר דעם אריין ווארפען חנניה מישאל ועזריה . אונ נאך דעם אריין ווארפען שטייט עס האבען זיך פאר זאמעלט אחשדרפניא סגניא פחתא והדברי מלכא אונ זייא האבען גיזעהן וויא חנניה מישאל ועזריה גייען ארום אין דעם הויבין . פעלט דאך נאר פיר אדרגזריא גדבריא דתבריא תפתיא . נאר דיא פיר זענען פאר ברענט געווארין ווען זייא האבען אריין געווארפען חנניה מישאל ועזריה אין דעם הויבין . דבי רבי אליעזר בן יעקב האט גילערנט אפילו ווען א מענטש איז אין א סכנה זאל ער זיך ניט ענדערין פון זיין גרויסקייט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא מענטשין (חנניה מישאל ועזריה) זענען געוועזען איין געוויקולט אין זייערע מאנטלען . זעהן מיר אפילו ווען מען האט זייא געפירט צום פאר ברענען פון דעכטוועגין זענען זייא געוועזען איין געוויקולט אין זייערע שיינע קליידער אונ זייא זענען גינאנגען מיט גרויסקייט צום פאר ברענט ווערין : רבי יוחנן זאגט צדיקים זענען גרעסער וויא מלאכים . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נבוכדנצר האט גזאגט איך זעה פיר מענטשין אויף געבונדענע גייען ארום אין דעם פייער אונ קיין וואונד (קיין שאדין) איז ניטא אין זייא אונ דער גישטאלט פון דעם פערטין איז גלייך צו א מלאך . האט ער גירעכענט פריער דיא דרייא צדיקים דער נאך דעם מלאך צום פערטין . זעהן מיר אז צדיקים זענען גרעסער וויא מלאכים :

יז אמר ר' תנחום בר חנילאי בשעה שיצאו חנניה מישאל ועזריה מכבשן האש באו כל אוה"ע וטפחו לשונאיהן של ישראל על פניהם אמרו להם יש לכם אלוה כזה ואתם משתחוים לצלם מיד פתחו ואמרו (דניאל ט) לך ה' הצדקה ולנו בשת הפנים כיום הזה . א"ר שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן מ"ד (שיר ז) אמרתי אעלה בתמר אחזה בסנסניו (אמר הקב"ה) אני אמרתי אעלה בתמר אלו ישראל ועכשיו לא עלה בידי אלא סנסן אחד של חנניה מישאל ועזריה . א"ר יוחנן מ"ד (זכריה א) ראיתי הלילה והנה איש רוכב על סוס אדום והוא עומד בין ההדסים אשר במצולה ואחריו סוסים אדומים שרוקים ולבנים מאי ראיתי הלילה בקש הקב"ה להפוך את כל העולם כלו ללילה . והנה איש רוכב ואין איש אלא הקב"ה שנא' (שמות טו) ה' איש מלחמה ה' שמו . על סוס אדום בקש הקב"ה להפוך את כל העולם כלו לדם כיון שנסתכל בחנניה מישאל ועזריה נתקררה דעתו שנאמר (זכריה א) והוא עומד בין ההדסים אשר במצולה ואין הדסים אלא צדיקים שנאמר (אסתר ב) ויהי אומן את הדסה ואין מצולה אלא בבל שנאמר (ישעיה מד) האומר לצולה חרבי ונהרותיך אוביש מיד מלאים רוגז נעשים שרוקים ואדומים נעשו לבנים

אמר

ומפחו לישראל על פניהם . שהשתחוו לצלם : אני אמרתי שכל התמר שלי הוא שיהיו בהם צדיקים הרבה ולא עלתה בידי וכו' ישראל נמשלו להמר כדאמרינן מה תמר זה אין לו אלא לב אחד כו' : והנה איש רוכב על סוס אדום . בזכריה כתיב : כל העולם כלו ללילה . מפני שהשתחוו לצלם : והוא עומד בין ההדסים . העמיד הקב"ה [עצמו] בזכות הצדיקים שבמצולה : האומר לצולה חרבי . לבבל שיושבת במצולה : חרבי . לשון חרבו המים : שרוקים . צבועים ואח"כ נעשו לבנים

יז אמר . רבי תנחום בר חנילאי האט געזאגט ווען חנניה מישאל ועזריה זענען ארויס געגאנגען פון קאלך הויבין זענען געקומען אלע פעלקער אונ האבען געשלאגען די יודין אויף זייערע פנימער אונ האבען געזאגט צו זייא איר האט אזוי א גאט אונ איר בוקט אייך צום צלם . האבען די יודין באלד געזאגט צו דיר גאט איז די גערעכטיגקייט אונ צו אונז איז די שאנד אויף דעם פנים אזוי ווי מיר זעהן היינטיגען טאג . רבי שמואל בר נחמני האט געזאגט פון רבי יונתן וועגין עס שטייט אין פסוק אמרתי אעלה בתמר אחזה בסנסניו . גאט זאגט איך האב געמיינט איך וועל ארויף גיין אויף דעם גאנצען טייטל בוים ואיך וועל גרוים ווערין אויף דער וועלט דורך אלע יודין איצט האב איך נישט מער אן גינומען נאר איין צווייג . מיין נאמען איז נישט מער געגרייסט געווארין נאר דורך דיא דרייא צדיקים חנניה מישאל ועזריה . רבי יוחנן זאגט עס שטייט אין פסוק איך האב געזעהן דיא נאכט אמענטש רייט אויף ארויטען פערד אונ ער שטייט צווישען דיא הדסים וואס אין דער טיפעניש אונ נאך איהם זענען געגאנגען פערד רויטע געפארבטע ווייסע . וואס מיינט מען איך האב געזעהן דיא נאכט . גאט האט געוואלט אומקערין דיא גאנצע וועלט אונ מאכען פון איר נאכט . אונ איך האב געזעהן איש רוכב : איש מיינט מען גאט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ה' איש מלחמה ה' שמו . וואס מיינט מען איך האב געזעהן גאט רייט אויף ארויטען פערד . דאס מיינט מען גאט האט געוואלט אומקערין דיא גאנצע וועלט צוא בלוט וואס איז רויט . ווייל זייא האבען זיך געבוקט צום צלם פון נבוכדנצר . ווי גאט האט געזעהן וואס חנניה מישאל ועזריה האבען געטאהן . זייא האבען זיך געלאזט אריין ווארפען אין פייער צום פאר ברענט ווערין אונ ניט צוא בוקין זיך צום צלם . איז אפ געקיהלט געווארין דער כעס פון גאט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אונ ער שטייט צווישן דיא הדסים וואס אין דער טיפעניש : הדסים מיינט מען צדיקים אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אונ ער האט דער צויגין דיא הדסה דאס איז אסתר המלכה . אונ דיא טיפעניש מיינט מען בבל אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער האט געזאגט צו דיא טיפעניש זאלסט טרוקען ווערין אונ דיינע טייכען וועל איך טרוקען מאכען . דאס מיינט מען גאט האט אפ געשטילט דעם כעס זיינעם פון וועגין דעם זכות פון דיא צדיקים וואס זענען געוועזן אין בבל דריבער באלד אין אנהייב ווען גאט איז געוועזן אין כעס זענען דיא פערד געוועזן געפארבט אונ רויט . אונ דער

אמר רב פפא ש"מ סוסיא חיורא מעלי לחלמא. ורבנן להיכן אזלו אמר רב בעין הרע מתו ושמואל אמר ברוק טבעו. ורבי יוחנן אמר עלו לא"י ונשאו נשים והולידו בנים ובנות. כתנאי ר' (אלעזר) [אליעזר] אומר בעין הרע מתו ר' יהושע אומר ברוק טבעו וחכמים אומרים עלו לא"י ונשאו נשים והולידו בנים ובנות שנא' (זכריה ג) שמע נא יהושע הכהן הגדול אתה ורעיך היושבים לפניך כי אנשי מופת המה איזו הם אנשים שנעשה להן מופת הוי אומר זה חנניה מישאל ועזריה ודניאל להיכן אזל אמר רב למיכרא נהרא רבא בטורא ושמואל אמר לאתויי ביזרא דאספסתא רבי יוחנן אמר לאתויי חזירי [דאלכסנדריא של מצרים]

כשנסתכל בצדיקים נח מלעכו: סוסיא חיורא מעלי לחלמא. מדקאמר שהאדום הוא רמז לקללה: ורבנן. חנניה מישאל ועזריה. להיכן אזלו כשיצאו מן הכבשן דהא לא מדכר להו בכולהו כתובי: בעין הרע מתו. שהיו מסתכלין בהן על שנס המשין בהן: ברוק טבעו. שאותו רוק שרקקו אוה"ע בישראל שאומרים להם אלוה כזה היה לכם והשתחויתם לצלם: הוי אומר זה חנניה כו'. אלמא חזרו לו לארץ אצל יהושע כהן גדול: דניאל להיכן אזל. כשהשליכו חביריו לתוך כבשן הוא שלא הולך עמהם: למיכרא נהרא רבא בטבריא. לחפור ולהוציא נהר בטבריא ל"א למכרא נהרא בטורא נהר: לאתויי ביזרא דאספסתא. להביא זרע של עשב שהוא מאכל בהמה שלהן ל"נ הכי הוי קים להו: לאתויי חזירי ממצרים. שלהן כדי לגדלם לולדות

נאך ווען דער בעם איז געשטילט געווארין זענען די פערד געווארין ווייס. רב פפא זאגט פון דאנען זעהן מיר אז מען זעהט אין חלום א ווייסען פערד איז א גוטער סימן. זאגט די גמרא און די רבנן (חנניה מישאל ועזריה) וואו אהין זענען זייא געגאנגען נאך דעם ווי זיי זענען ארויס גיגאנגען פון קאלך הויבין. רב זאגט זייא זענען גישטארבן פון עין הרע. ווייל אלע מענטשין האבען זיך געוואונדערט אויף זייא: שמואל זאגט זייא זענען דער טרונקען געווארין אין דעם שפייאכץ וואס אלע פעלקער האבען געשפיגען אויף די יודין און האבען גיזאגט צו זייא אזוי א גאט האט איר און איר גייט אייך בוקין צום צלם. ווער מהרש"א זאגט מען מיינט ניט עס איז גיוועזן אזוי פיל שפייאכץ אז חנניה מישאל ועזריה זענען אין די שפייאכץ דער טרונקען געווארין. נאר אזוי מיינט מען דורך דעם שפייאכץ זענען חנניה מישאל ועזריה גישטארבין. ווייל ווען די פעלקער האבען געקוקט אויף חנניה מישאל ועזריה. האבען זייא פאר שעמט די יודין און האבען זייא געשפיגען אין פנים. און האבען גזאגט צו זייא איר הט אזוי א גאט און איר בוקט אייך צום צלם. האבען די יודין גיהאט גרויס צער. דריבער זענען חנניה מישאל ועזריה גישטארבן די זאך זאל פאר געסין ווערין). רבי יוחנן זאגט חנניה מישאל ועזריה זענען אויף גיגאנגען אין ארץ ישראל און האבען גינומען ווייבער און האבען גיבארין זיהן און טעכטער. זאגט די גמרא תנאים קריגען אין דער זאך וואס עס איז געווארין מיט חנניה מישאל ועזריה. רבי אליעזר זאגט זייא זענען גישטארבין פון עין הרע. רבי יהושע זאגט זייא זענען דער טרונקען געווארין אין דעם שפייאכץ: און די חכמים זאגין זייא זענען אויף גיגאנגען אין ארץ ישראל און האבען גינומען ווייבער און האבען גיבארין זיהן און טעכטער. ווארום עס שטייט אין פסוק הער צו יהושע כהן גדול דוא און דיינע חברים וואס זיצען פאר דיר ווארום זייא זענען מענטשין וואס צוא זייא איז גיטאהן געווארין וואונדער: צוא וועלכע מענטשין איז (אין דער צייט פון יהושע כהן גדול) גיטאהן געווארין וואונדער. דאס איז חנניה מישאל ועזריה. זעהן מיר אז חנניה מישאל ועזריה זענען גיקומען אין ארץ ישראל צו יהושע כהן גדול. פרעגט די גמרא וואו איז גיוועזן דניאל ווען מען הט ארייין גיווארפען חנניה מישאל ועזריה אין קאלך הויבין (ווארום אז ער וואלט גיוועזן צוא זאמען מיט חנניה מישאל ועזריה וואלט מען דאך אים אויך ארייין גיווארפען אין קאלך הויבין). רב זאגט ער איז גיגאנגען גראבין א גרויסען טייך אויף א בארג (נבוכדנצר האט איהם געשיקט). שמואל זאגט ער איז גיגאנגען ברינגען קערנער צו פאר זייען גראז פאר בהמות (נבוכדנצר האט איהם געשיקט). רבי יוחנן זאגט נבוכדנצר האט איהם געשיקט ער זאל ברייגען חזירים פון די שטאט אלכסנדריא וואס אין מצרים. (די חזירים זאלין האבען קינדער אין בבל. וועט גימערט ווערין מצרים חזירים אין בבל. ווייל אין מצרים זענען גיוועזן די בעסטע חזירים). פרעגט די גמרא

אינו (והתניא) [והתנן] תודוס הרופא אומר אין פרה וחזירה יוצאה מאלכסנדריא של מצרים שאין חותכין האם שלה בשביל שלא תלד . זוטרי איתו בלא דעתיהו :

יח תנו רבנן שלשה היו באותה עצה הקב"ה ודניאל ונבוכדנאצר הקב"ה אמר ליזיל דניאל מהכא דלא לימרו בזכותיה איתנצל . ודניאל אמר איזיל מהכא דלא ליקיים בי פסילי אלהיהם תשרפון באש . ונבוכדנאצר אמר יזיל דניאל מהכא דלא לימרו קלייה לאלהיה בנורא ומנין דסגיד ליה דכתיב (דניאל ב) באדין מלכא נבוכדנאצר נפל על אנפוהי ולדניאל סגיד וגו' :

(ירמיה כט) **יט כה** אמר ה' צבאות אלהי ישראל אל אחאב בן קוליה ואל צדקיהו בן מעשיה הנבאים לכם בשמי שקר וגו' וכתיב (שם) ולוקח מהם קללה לכל גלות יהודה אשר בבבל לאמר ישימך ה' כצדקיהו וכאחב אשר קלם מלך בבל באש אשר שרפם לא נאמר אלא אשר קלם אמר רבי יוחנן משום רבי שמעון בן יוחאי מלמד שעשאם כקליות . (שם) יען אשר עשו נבלה בישראל וינאפו את נשי רעיהם

פירוש

שהזירי מגרים גדולים הם : והתניא אמר תודוס הרופא . לחכמים שהיו אומרים ניטלה האם טרפה והא אין פרה וחזירה יוצאה ממצרים כו' כדי שלא יהו מצויין במקומות אחרים [ואף עפ"כ חיו] . זוטרי אייתיהו . ולא העלו על לבם דלפניהם ורבים בעי והניחו להוציאן בלא חתוך האם :

באותה עצה. שהלך משם דניאל : דלא ליקיים בי פסילי אלהיהם תשרפון באש . דנבוכדנצר עשאו אלוה כדכתיב ולדניאל סגיד והוה ליה כפסילי אלהיהם שהמקרא הזה היה נוהג עליהן לשורפן לכך היה מתיירא :

קליות

מיר האבען דאך געלערנט תודוס הרופא זאגט דיא מענטשען פון אלכסנדריא האבען ניט געלאזט ארויס פירען פון אלכסנדריא קיין קוה אונ קיין חזיר ביז זייא האבען אויס געשניטען דיא מוטער וואס אין בויך זייא זאלין נישט קענען האבען קינדער . ווייל זייא האבען געוואלט אין דער גאנצער וועלט זאל ניט זיין אזעלכע קיה אונ אזעלכע חזירים וויא ביי זייא . ענטפערט די גמרא דניאל האט געקויפט אין אלכסנדריא קליינע חזירים . האבען זייא גימיינט ער קויפט זייא באלד צום עסין האבען זייא ניט אויס געשניטען דיא מוטערם :

יח תנו רבנן . די רבנן האבין געלערנט דריי זענען געווען אין דער עצה אז דניאל זאל ניט זיין אין בבל ווען מען וועט אריין ווארפין חנניה מישאל ועזריה אין קאלך הויבין . גאט אונ דניאל אונ נבוכדנצר . גאט האט געזאגט דניאל זאל אוועק גיין פון דאנען מען זאל ניט זאגין דורך זיין זכות איז חנניה מישאל ועזריה גירעטעט געווארין פון פייער . דניאל האט געזאגט איך וועל אוועק גיין פון דאנען ווייל נבוכדנצר האט מיך גימאכט פאר אגאט זאל ניט מקוים ווערין אויף מיר דער פסוק די בילדער וואס זענען געטער זאלט איר פאר ברענגען אין פייער . דריבער האב איך מורא טאמער וועל איך פאר ברענט ווערין אין דעם פייער : נבוכדנצר האט געזאגט דניאל זאל אוועק גיין פון דאנען מען זאל ניט זאגין איך האב פאר ברענט מיין גאט אין פייער . פון וואנען וויסין מיר אז נבוכדנצר האט זיך גיבוקט צו דניאל אונ האט אים געהאלטין פאר אגאט . ווארום עס שטייט אין פסוק דאמאלס . איז דער מלך נבוכדנצר גיפאלין אויף זיין פנים אונ האט זיך גיבוקט צו דניאל :

יט כה . אזוי האט געזאגט ה' צבאות דער גאט פון די יודין אויף אחאב בן קוליה אונ אויף צדקיהו בן מעשיה וואס זיי זאגין צו אייך פאלשע נביאות אין מיין נאמען . פון זיי וועט גינומען ווערין א קללה צו אלע פארטריבענע פון יהודה וואס זענען אין בבל . אז איינער וועט וועלין פלוכין זיין חבר וועט מען זאגין גאט זאל צו דיר טאהן אזוי ווי ער האט געטאהן צוא צדקיהו אונ צו אחאב אשר קלם מלך בבל באש . וואס דער מלך פון בבל האט זיי פאר ברענט אין פייער . עס שטייט ניט אשר שרפם . נאר עס שטייט אשר קלם . האט רבי יוחנן געזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין דער פסוק לערנט אונז שעשאם כקליות . ער האט זיי ניט פאר ברענט אויף אש . נאר ער האט זיי אפ גיזענגט אויף דעם פייער אזוי ווי מען זענגט אפ זאנגען

קליות. שבלים המתבהבהין כלם: השמיעי. השתמשי: תלפא. ונסיבי אבותייהו: שלוא זה אוד.

רעיהם מאי עביד אזיל לגבי ברתיה דנבוכדנאצר אחאב אמר לה כה אמר ה' השמיעי אל צדקיה וצדקיה אמר כה אמר ה' השמיעי אל אחאב אזלה ואמרה ליה לאבוה אמר לה אלהיהם של אלו שונא זמה הוא כי אתו לגבך שדרינהו לגבאי כי אתו לגבה שדרתינהו לגבי אבוה אמר להו מאן אמר לכון אמרו ליה הקב"ה והא חנניה מישאל ועזריה שאלתינהו ואמרו לי אסור אמרו ליה אנן נמי נביאי כותייהו לדידהו לא אמר להו לדידן אמ־לן. אמר להו אנא בעינא דאבדקינכו כי היכי דבדקתינהו לחנניה מישאל ועזריה. אמרו ליה אינון תלתא הוו ואנן תרין אמר להו בחרו לכו מאן דבעיתו בהדייכו אבחרי יהושע כהן גדול סברי ליתי יהושע דנפיש זכותיה ומגני עלן אחתינהו שדינהו אינהו איקלו יהושע כהן גדול איחרוכי מאניה שנאמר (זכריה ג) ויראני את יהושע הכהן הגדול עומד לפני מלאך ה' והשטן עומד על ימינו לשטנו וכתיב (שם) ויאמר ה' אל השטן יגער ה' בך השטן ויגער ה' בך הבוחר בירושלים הלוא זה אוד מצל מאש א"ל ידענא דצדיקא את אלא מ"ט אהניא בך פורתא נורא וחנניה מישאל ועזריה לא אהניא בהו כלל אמר להו אינהו תלתא

אויף דעם פייער צו טריקענען. ווייל זיי האבין גיטאהן אמיאוסה זאך צווישען יודין אונ זיי האבין מזנה גיוועזען מיט זייער חברים ווייבער. וואס האבין זיי גיטאהן. זיי זענען גיגאנגען צו די טאכטער פון נבוכדנצר אחאב האט גיזאגט צו איר אזוי האט גאט גיזאגט דו זאלסט מזנה זיין מיט צדקיהו. אונ צדקיהו האט גיזאגט צו איר אזוי האט גאט גיזאגט דו זאלסט מזנה זיין מיט אחאב איז זי גיגאנגען אונ האט דאס גיזאגט צום פאטער. האט דער פאטער צו איר גיזאגט איך ווייס אז דער גאט פון יודין האט פיינט מען זאל מזנה זיין. אז צדקיהו אונ אחאב וועלין קומען צו דיר שיק זיי צו מיר. אז צדקיהו אונ אחאב זענען גיקומען צו איר האט זיא זיי געשיקט צום פאטער. האט נבוכדנצר צו זיי גיזאגט ווער האט אייך גיזאגט איר זאלט מזנה זיין מיט מיין טאכטער האבין זיי גיזאגט צו נבוכדנצר גאט האט אונז גיזאגט. האט נבוכדנצר גיזאגט איך האב גיפרעגט ביי חנניה מישאל ועזריה האבין זיי מיר גיזאגט מען טאר ניט מזנה זיין. האט צדקיהו אונ אחאב גיזאגט צו נבוכדנצר מיר זענען אויך אזעלכע נביאים ווי זיי זענען. צו זיי האט דאס גאט ניט גיזאגט. אונ צו אונז האט דאס גאט יא גיזאגט. האט נבוכדנצר צו זיי גיזאגט איך וויל אייך פרובין אויב איר זענט אמתה נביאים. אזוי ווי איך האב גיפרובט חנניה מישאל ועזריה. האבין צדקיהו אונ אחאב גיזאגט צו נבוכדנצר זיי זענען גיוועזען דריי אונ מיר זענען נאר צוויי. דער זכות פון דריי מענטשין איז דאך גרעסער ווי דער זכות פון צוויי מענטשין. האט נבוכדנצר צו זיי גיזאגט קלויבט אייך אויס אדריטין מענטש וועמען איר ווילט. האבין זיי אויס געקליבען יהושע כהן גדול. זיי האבין גימיינט ווייל יהושע איז אגרויסער צדיק וועט ער קומען אונ וועט בשיצען אויף זיי. אז דורך אים וועלין זיי אויך ניט פארברענט ווערין. האט מען גינומען אלע דריי יהושע אונ צדקיה אונ אחאב אונ מען האט זיי אריין גיווארפין אין דעם ברענענדיגען הויבין. אחאב אונ צדקיה זענען פארברענט גיווארין. יהושע כהן גדול זענען נאר אפ גיזענקט גיווארין זיינע קליידער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער האט מיר געוויזען דעם יהושע כהן גדול ער שטייט פאר דעם מלאך פון גאט אונ דער שטן שטייט ביי זיין רעכטע האנט צו ריידין אויף איהם שלעכטס. האט גאט גיזאגט צום שטן גאט וועט אן שרייען אויף דיר שטן. אונ דער גאט וואס האט אויסדערוויילט אין ירושלים וועט ער אן שרייען אויף דיר. דער יהושע איז אזוי וויא אשטיק האלץ וואס איז אפ גיזענקט גיווארין פון פייער. האט נבוכדנצר גיזאגט צו יהושע איך ווייס אז דוא ביזט אצדיק. נאר פאר וואס אין דיר האט דער פייער אביסול געווירקט. דיינע קליידער זענען אפ גזענקט גיווארין. אונ חנניה מישאל ועזריה אויף זייא האט דער פייער גאר ניט געווירקט. אפילו זייערע קליידער זענען אויך ניט אפ

תלתא הוו ואנא חד א"ל והא אברהם יחיד הוה התם לא הוו רשעים בהדיה ולא איתיהיב רשותא לנורא הכא הוו רשעים בהדי' ואתיהיב רשותא לנורא והיינו דאמרי אינשי תרי אודי יבישי וחד רטיבא אוקדן יבישי לרטיבא. מה טעמא איענש אמר רב פפא שהיו בניו נושאין נשים שאינן הגונות לכהונה ולא מחה בהן שנאמר (זכריה ו) ויהושע היה לבוש בגדים צואים וכי דרכו של יהושע ללבוש בגדים צואים אלא מלמד שהיו בניו נושאין נשים שאינן הגונות לכהונה ולא מיחה בהן:

מה אוד נחרך אף זה נחרך: אהני. הועיל: אוקדן. שרפו: מ"ט איענש. יהושע דאהני מהא למאניה דהאי דאהדר איהו לנבוכדנאצר דתייה בעלמא דחייה:

שש שעורים, שש גרעינין [שעורים] ממש: וכי דרכו של בועז ליתן שש ש ליס. וכא קא אין פוחתין לעני בגורן פחות מח"י קב שעורים: אלא שש סאין. דשב קבין או שש לוגין ליכא למימר דלא מייתי בגורן מדה פחותה מסאה: ליטול שש סאין. ליכא משוי כזה: רמז רמז לה. דשש גרעינין נתן לה לסימן ורמז שעתידין לצאת שש בנים ממנה: יודע נגן גבור חיל ואיש מלחמה וגו' אך דבר ואיש תאר וה' עמו. היינו שש ברכות: לא

כ **אמר** ר' תנחום דרש בר קפרא בצפורי מ"ד (רות ג) ותאמר שש השעורים האלה נתן לי מאי שש השעורים אי לימא שש שעורים ממש וכי דרכו של בועז ליתן מתנה שש שעורים (ע"ב) אלא שש סאין וכי דרכה של אשה ליטול שש סאין אלא רמז רמז לה שעתידין ששה בנים לצאת ממנה שמתברכין בשש שש ברכות ואלו הן דוד ומשיח דניאל חנניה מישאל ועזריה. דוד דכתיב (ש"א טז) ויען אחד מן הנערים ויאמר הנה ראיתי בן לישי בית הלחמי יודע נגן וגבור חיל ואיש מלחמה ונבון דבר ואיש

גיזענקט געווארין: האט יהושע גיזאגט צו נבוכדנצר זייא זענען געוועזן דרייא צדיקים אונ איך בין נאר געוועזן איינער. האט נבוכדנצר געזאגט אברהם איז דאך אויך געוועזן נאר איינער. פאר וואס זענען זיינע קליידער ניט אפ געזענגט געווארין. האט יהושע געזאגט דארט ביי אברהם זענען מיט איהם ניט געוועזן רשעים. איז ניט געגעבין געווארין רשות צום פייער ער זאל ברענען. אבער דא ביי יהושע זענען מיט איהם געוועזן רשעים איז געגעבין געווארין רשות צום פייער ער זאל ברענען. האט ער שוין אפ געזענקט די קליידער פון יהושע אויך. דאס איז וואס מענשין זאגין אז אויף פייער ליגט צווייא שטיקער הארץ טרוקענע אונ איין שטיק האלץ אנאסע. פאר ברענען די טרוקענע האלץ דעם נאסען האלץ אויך. פרעגט די גמרא אונ אין אמת פר וואס איז פארברענט געווארין זיינע קליידער. רב פפא זאגט ווייל זיינע זיהן האבין גענומען אזעלכע ווייבער וואס זענען ניט כשר צו כהנים. אונ יהושע האט זיי ניט געווערט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק יהושע איז געוועזן אן געקליידט אין מיאוסע קליידער. איז דען געוועזן דער שטייגער פון יהושע ער זאל אן קליידין מיאוסה קליידער. נאר מען מיינט זיינע זיהן האבין גענומען אזעלכע ווייבער וואס זענען ניט כשר צו כהנים. אונ יהושע האט זייא ניט געווערט:

כ אמר. רבי תנחום האט געזאגט בר קפרא האט גידרשת אין צפורי עס שטייט אין פסוק רות האט געזאגט די זעקס גערשטין האט בועז מיר געגעבין. וואס מיינט מען זעקס גערשטין. מיר זאלין זאגין זעקס קערנער גערשטין. איז דען דער שטייגער פון בועז ער זאל געבין אמתנה זעקס קערנער גערשטין. וועלין מיר זאגין בועז האט איהר געגעבין זעקס סאה גערשטין וסאה איז אזוי אמאס. קען דען אאשה טראגין זעקס סאה גערשטין. וויא אזוי הט דאס רות געקענט טראגין ביז אהיים. נאר ער האט איהר טאקי געגעבין זעקס קערנער גערשטין. אונ ניט דאס איז געוועזן אמתנה. נאר דאס איז געוועזן אסימן אז פון איהר וועלין געבארין ווערין זעקס קינדער: וואס יעדער קינד וועט זיין געבענשט מיט זעקס ברכות. אונ דאס זענען די זעקס קינדער דוד משיח דניאל חנניה מישאל ועזריה. ביי דוד שטייט זעקס ברכות. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איינער פון די יונגען האט געזאגט צו שאול איך האב געזעהן ישי פון בית לחם האט אזוהן דוד. ער קען שפילען. ער איז אשטארקער העלד. ער קען גיין אין אמלחמה. ער איז אפארשטענדיגער מענטש. אונ אשיינער מענטש. אונ גאט איז מיט איהם.

ואיש תאר וה' עמו ואמר רב יהודה אמר רב כל הפסוק הזה לא אמרו דואג אלא בלה"ר . יודע נגן שיודע לשאול . גבור חיל שיודע להשיב . איש מלחמה שיודע לישא וליתן במלחמתה של תורה . ונבון דבר שמבין דבר מתוך דבר . איש תואר שמראה פנים בה כה . וה' עמו שהלכה כמותו בכל מקום . בכולהו אמר יונתן בני כמוהו כיון דא"ל וה' עמו מלתא דבדידיה נמי לא הוה חלשא דעתיה ונתקנא בו דבשאול כתיב (ש"א יד) ובכל אשר יפנה ירשיע ובדוד כתיב בכל אשר יפנה יצליח ומנ"ל דדואג (האדומי) הוה כתיב הכא (שם טז) אחד מהנערים מיוחד שבנערים וכתיב התם (שם כא) ושם איש מעבדי שאול ביום ההוא נעצר לפני ה' ושמו דואג האדומי אביר הרועים אשר לשאול . משיח דכתיב (ישעיה יא) ונחה עליו רוח ה' רוח חכמה ובינה [רוח עצה וגבורה רוח דעת ויראת ה'] (שם) והריחו ביראת ה' ולא למראה עיניו ישפוט ולא למשמע אזניו יוכיח אמר ר' אלכסנדרי מלמד

אמרו דואג . לקמן מפרש דאחד מן הנערים היינו דואג : אלא בלה"ר . שהיה מספר בגנותו של דוד כדי שיקנא בו שאול ויהרגהו : לישא וליתן במלחמתה של תורה . נתוכח בת"ת : פנים בהלכה. שמביא ראיה לדבריו : דבדידיה נמי לא הוה . דבשאול נמי לא הוי הלכה כמותו כדאמרינן בעירובין דוד דגלי מסכתא כתיב ביה יראיך יראוני וישמחו שאול דלא גלי מסכתא כתיב ביה בכל אשר יפנה ירשיע : נעצר לפני ה'. לגמוד תורה הרבה : אביר הרועים אבר לשאול . אלמא שהוא מיוחד בנערים דהייט דואג דהחזיק הכא : קרי ליה אביר הרועים : ונחה עליו רוח ה'. איזה רוח רוח חכמה ובינה רוח עצה וגבורה רוח דעת ויראת ה' הרי ששה : ה"ג והריחו ביראת ה' א"ר אלכסנדרי שהטעינו במצות ויסורים כרחים . היינו והריחו לשון רחים ולא

אונ רב יהודה האט געזאגט פון רבס וועגן דעם גאנצין פסוק האט געזאגט דואג אויף דוד צו ביידין אויף איהם לשון הרע . דריבער האט ער אזוי גילויבט דודן פאר שאול . שאול זאל האבין קנאה אויף דוד וועט ער איהם הרגנן . ער קען שפילען מיינט מען ער קען פרעגין שאלות אין דער תורה . ער איז אשטארקער העלד מיינט מען ער וויים צו ענטפערין אויף יעדער שאלה . ער קען גיין אין אמלחמה מיינט מען ער וויים מלחמה צו האלטין אין דער תורה . ער וויים ווי אזוי צו קריגען מיט תנאים אין דיא דינים אונ אין דיא פשטים פון דער תורה . ער איז אפאר שטענדיגער מענטש מיינט מען ער פארשטייט אפ צו לערנען איין זאך פון דיא אנדערע . ער איז אשיינער מענטש מיינט מען ער וויים צו זאגין אשיינעם טעם אויף אדין . פאר וואס דער דין איז אזוי . אונ גאט איז מיט איהם מיינט מען אין דער גאנצער תורה איז דער דין ווי דוד זאגט . גאט איז מיט איהם ער זאל אין דער גאנצער תורה טרעפין דעם אמתין פשט . אויף אלע זאכין וואס דואג האט גיזאגט אויף דוד . האט שאול גיזאגט מיין זוהן יונתן איז אויך אזוי . ווי דואג האט גיזאגט גאט איז מיט דוד . דאס איז אזוי אזאך וואס שאול אליין האט אויך ניט גיהאט שאול אליין האט אויך ניט גיקענט טרעפין דעם אמתין דין אונ דעם אמתין פשט אין דער תורה . איז שאול ביי זיך אראפ גיפאלין אונ ער האט מקנא גיוועזן דודן . ווארום ביא שאול שטייט ווא ער הט זיך גיקערט איז ער גיווארין ארשע . דאס מיינט מען ווא ער האט גילערנט האט ער ניט גיטראפין דעם אמת . אונ ביא דוד שטייט ווא ער האט זיך גיקערט האט ער געגליקט . דאס מיינט מען ווא ער האט גילערנט האט ער גיטראפין דעם אמתין דין . אונ פון וואנען ווייסין מיר אז דער יונג וואס האט גירעט פאר שאול איז גיוועזן דואג . ווארום דא שטייט אחד מהנערים האט גירעט . דאס מיינט מען דער גרעכטער פון שאולס קנעכט האט גירעט פאר שאול . אונ דארט שטייט בייא אחימלך איז גיוועזן אמענטש פון שאולס קנעכט אין דעם טאג האט ער זיך אויף גיהאלטין בייא אחימלך פאר גאט ווער זאל לערנען תורה דער נאמען פון דעם מענטש איז דואג האדומי ער איז דער שטארקסטער פון דיא פאסטיכער וואס שאול האט גיהאט . זעהן מיר אז דער עלצטער פון שאולס קנעכט איז גיוועזן דואג :

ביי משיח שטייט אין פסוק עס וועט רוהען אויף איהם אגייסט פון גאט . אגייסט פון חכמה אונ בינה . עצה אונ גבורה . דעת אונ יראת ה' . איז זעקס זאכין . עס שטייט אין פסוק בייא משיח והריחו ביראת ה' . וויא איז דער טייטש והריחו . רבי אלכסנדרי זאגט דער פסוק דער ציילט אונז אז גאט האט בעלאדען אויף משיח מצות אונ יסורים אזוי שווער ווי אמיהל מיט

מלמד שהטעינו מצות ויסורים כרחים רבא אמר דמורח ודאין דכתיב ולא למראה עיניו ישפוט ושפט בצדק דלים והוכיח במישור לענוי ארץ . בר כוזיבא מלך תרתין שנין ופלגא אמר להו לרבנן אנא משיח אמרו ליה במשיח כתיב דמורח ודאין נחזי אנן אי מורח ודאין כיון דחזיוהו דלא מורח ודאין קטלוהו . דניאל חנניה מישאל ועזריה דכתיב בהו (דניאל א) ילדים אשר אין בהם כל מום וטובי מראה ומשכילים בכל חכמה ויודעי דעת ומביני מדע ואשר כח בהם לעמוד בהיכל המלך מאי אשר אין בהם כל מום א"ר חמא בר חנינא אפילו כריבדא דכוסילתא לא הוה בהו . מאי ואשר כח בהם לעמוד בהיכל המלך א"ר חמא בר חנינא מלמד שהיו אונסין את עצמן מן השחוק ומן השיחה ומן השינה ומעמידין על עצמן בשעה שנצרכים לנקביהם מפני אימת מלכות :

בא (דניאל א) **ויהי** בהם מבני יהודה דניאל חנניה מישאל ועזריה א"ר אלעזר כולן מבני יהודה הם ור' שמואל בר נחמני אמר דניאל מבני יהודה חנניה מישאל ועזריה משאר שבטים . (מ"ב כ ישעיה לט) ומבניך אשר יצאו ממך אשר תוליד יקחו

גרסינן והתיב והריחו : רבא אמר . מאי והריחו דמורח ודאין מריח באדם ושופט ויודע אם חייב הוא : לא למראה עיניו ישפוט ולא למשמע אזניו יוכיח . ואפ"ה ושפט בצדק דלים כגון ע"י הרחה : בר כוזיבא . ממלכי הורדוס היה : אשר אין בהם כל מום . וטובי מראה משכילים בכל חכמה יודעי דעת ומביני מדע ואשר כח בהם הרי שלשה : אפי' ריבדא דכוסילתא . לא היתה בגופה שלא היו צריכין להקיז: ריבדא. פונמר"א בלע"ז : כוסילתא. שם כלי המקיז : מן השיחה . שלא היו מספרים בדברים בטלים כדי שלא יתגנו בפני המלך :

כולם מבני יהודה . כדהתיב לעיל שמה בנים הפתידים לצאת ממות וחשיב בהדייהו חנניה מישאל ועזריה : דניאל . לחוד מבני יהודה אבל חנניה מישאל ועזריה לא ולית ליה הך דרשה דלעיל דשם פעורים : מבניך אשר יצאו ממך .

דיא מיהל שטיינער . והריחו איז דער טייטש אזוי וויא רחים. מיהל שטיינער . רבא זאגט והריחו איז דער טייטש שמעקין . אז משיח וועט אשמעק טאהן צו אמענטשין וועט ער וויסען וויא צו משפטין . אויב דער מענטש איז גירעכט אדער אומגירעכט ׃ אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער וועט ניט דארפין משפטין צו דיא זעהונג פון זיינע אויגין · פון דעסטוועגין וועט ער משפטין די ארעמע לייט מיט גירעכטיקייט אונ ער וועט שטראפין מיט ריכטיגקייט צו דיא מענטשין וואס זענען נידעריג ביא זיך . בר כוזיבא האט גיקיניגט אויף דיא יודין צוויי יאהר מיט אהאלבם . האט ער גיזאגט צו דיא חכמים איך בין משיח . האבין דיא חכמים צו איהם גיזאגט ביי משיח שטייט ער · וועט שמעקין אונ משפטין . וועלין מיר זעהן אויב דוא קענסט אויך שמעקין צוא אמענטשין אונ וויסען · וויא אזוי איהם צו משפטין אויב ער איז גירעכט אדער אומגירעכט . אז דיא חכמים האבין גיזעהן אז ער קען ניט שמעקין אונ משפטין . האבין זייא איהם גיהרגת ׃

ביא דניאל חנניה מישאל ועזריה שטייט זייא זענען גיוועזן קינדער וואס אין זייא איז ניט גיוועזן קיין פעלער . אונ האבין גוט אויס גיזעהן . אונ זענען גיוועזן קלוג אין אלע חכמות . אונ זאבין גיוואוסט וויסענשאפט אונ האבין פארשטאנען קענטענים . אונ האבין גיהאט כח צו שטיין אין פאלאץ פון מלך . וואס מיינט מען אין זייא איז גאר ניט גיוועזן קיין פעלער . רבי חמא בר חנינא זאגט אפילו אזוי אצייכען וויא מען עפינט אאדער איז אין זייא אויך ניט גיוועזן · וואס מיינט מען זייא האבען גיהאט כח צו שטיין אין פאלאץ פון מלך . רבי חמא בר חנינא זאגט דאס מיינט מען ווען זייא וועלין שטיין פאר דעם מלך זאלין זייא זיך קענען אויף האלטען ניט לאכען . אונ ניט שמועסין . אונ ניט שלאפען . אונ זייא זאלין קענען זיך אויף האלטען ווען זייא וועלין דארפין ארויס גיין . עס זאל אויף זייא זיין דיא מורא פון מלך ׃

כא ויהי . אונ עס איז גיוועזן צווישען דיא קינדער פון יהודה דניאל חנניה מישאל ועזריה . רבי אלעזר זאגט אלע פיר זענען גיוועזן פון שבט יהודה . רבי שמואל בר נחמני זאגט דניאל איז גיוועזן פון שבט יהודה . חנניה מישאל ועזריה זענען גיוועזן פון אנדערע שבטים . אין פסוק שטייט ישעיהו הנביא האט גזאגט צו חזקיהו המלך פון דיינע קינדער וואס וועלין

יקחו והיו סריסים בהיכל מלך בבל מאי סריסים רב אמר סריסים ממש ורבי חנניה אמר שנסתרסה ע"ז בימיהם. בשלמא למ"ד שנסתרסה ע"ז בימיהם היינו דכתיב (דניאל ג) וחבל לא איתי בהון אלא למ"ד סריסים ממש מאי וחבל לא איתי בהון חבלא דיורא והכתיב (שם) וריח נור לא עדת בהון לא חבלא ולא ריחא. בשלמא למאן דאמר שנסתרסה ע"ז בימיהם היינו דכתיב (ישעיה נו) כה אמר ה' לסריסים אשר ישמרו את שבתותי וגו' אלא למ"ד סריסים ממש משתעי

בחזקיה מלך יהודה כתיב: סריסים ממש. שסירסן לחנניה מישאל ועזריה שכן דרכם של מלכים לסרס את האדם כדי שלא ישא אשה ויהא פנוי לעבודת המלך ולית לה הא דהכמים דאמרי לעיל שעלו לא"י ונשאו נשים והולידו בנים ובנות: ור' חנניה אמר. לא סרסם אלא להכי קרו להו סריסים שנסתרסה ע"ז בימיהם שבימיהם נודע [לכל] שאין ממש בע"ז ופורעניות שהיה נביא מתנבא לחזקיהו שיהו גולים מארצם ויולידם בהיכל מלך בבל ור' שמואל בר נחמני דאמר חנניה מישאל ועזריה מבאר שבטים היו מוקים אי קרא בדניאל לחוד: מאי וחבל לא איתי בהון. והלא חבלה היא זו שנסתרסו ומהאי קרא דלעיל ילדים אשר אין בהם כל מום לא מצי פריך דאיכא למימר בשעה שהביאו נבוכדנאצר תמימים היו וסרסם: חבל די נורא לא איתי בהון. אבל חבלת הגוף מיהו איכא: (ופריך) ונחבלא דנורא. לא איצטריך דהא כתב קרא וריח נור לא עדת בהון: ולא ריחא

פון דיר געבאהרין ווערין ווערין גינומען ווערין אונ זייא וועלין זיין סריסים אין דעם פאלאץ פון מלך בבל. וואס מיינט מען סריסים. רב זאגט אמתה סריסים. מען האט זייא געמאכט פר סריסים זייא זאלין ניט קענען האבען קינדער אונ זאלין ניט גלוסטין צו ווייבער. זייא זאלין קענען זיין פריי צו דיא ארבעט פון מלך. רבי חנניה זאגט זייא זענען ניט געוועזען סריסים. נאר דריבער האט מען זייא גירופען סריסים ווייל דיא עבודה זרה האט זיך ניט גיפרוכטבארט אין זייער צייט. אזעלכע האבען אויף גיהערט צו דינען עבודה זרה. זאגט דיא גמרא דער וואס זאגט אז דניאל חנניה מישאל ועזריה זענען ניט געוועזען סריסים. נאר מען האט זייא גירופען סריסים ווייל מען האט אויף גיהערט צו דינען עבודה זרה אין זייער צייט. איז רעכט וואס עס שטייט אין פסוק אין דיא פיר קינדער איז ניט געוועזען קיין פעלער. אבער דער וואס זאגט זייא זענען געוועזען אמתה סריסים. פאר וואס שטייט אין זייא איז ניט געוועזען אפעלער. איז דען דאס ניט קיין פעלער. אז מען מאכט אמענטשין ער זאל ניט האבען קינדער איז דאך דאס אגרויסער פעלער. זאגט דיא גמרא דער פסוק מיינט פון דעם פייער האבען זייא ניט גיהאט אפעלער. אבער איין אנדער פעלער האבען זייא יא גיהאט. פרעגט דיא גמרא אז זייא האבען ניט גיהאט אפעלער פון פייער שטייט דאך שוין אין פסוק. דער ריח פון פייער איז ניט דורך גיגאנגען דורך זייא. ענפערט דיא גמרא דער פסוק זאגט צוויי זאכען. פון דעם פייער האבען זייא ניט גיהאט קיין פעלער. אונ אפילו אריח פון דעם רויך פון פייער האבען זייא אויך ניט גיהאט. פרעגט דיא גמרא דער וואס זאגט אז סריסים מיינט מען דיא עבודה זרה איז גיווארין אונ פרוכטבאר. מען האט אויף גיהערט צו דינען עבודה זרה אין זייער צייט. איז רעכט וואס עס שטייט אין פסוק אזוי האט גאט גזאגט צו דיא סריסים (דניאל חנניה מישאל ועזריה) וואס זייא וועלין היטען מיינע שבתים. ווארום דאס גיהער איינם צו דאס אנדערע. דיא וואס וועלין זיין סריסים וזייא וועלין ניט דינען עבודה זרה) אונ וועלין היטען דיא שבתים. אבער דער וואס זאגט אז סריסים מיינט מען דיא וואס קענען ניט האבען קינדער. וועט דער פסוק שמועסין צו פאר שעמען די צדיקים וואס היטען שבת אונ האבען ניט קיין קינדער. ער זאל זייא רופין סריסים ענפערט די א גמרא סריסים האט צוויי טייטשין. אמאהל מיינט מען סריסים אזעלכע וואס האבען ניט קיין קינדער. אונ אמאהל מיינט מען סריסים אויף דיא עבודה זרה וואס איז אונפרוכטבאר. מען דינט ניט צו איר. אונ ביי דניאל חנניה מישאל ועזריה איז ביידע זאכען געוועזען. זייא זענען געוועזען סריסים זייא זאלין ניט האבען קינדער. אונ דיא עבודה זרה איז גיווארין אונפרוכטבאר אין זייער צייט. אונ פון דעם סריסים פון עבודה זרה שמועסט דער פסוק. פרעגט די גמרא דער וואס זאגט סריסים מיינט מען זייא האבען ניט קיין קינדער. איז רעכט וואס עס שטייט אין פסוק איך וועל זייא געבין אין מיין שטוב אונ אין מיינע מויערין אארט אונ אנאמען וואס

משתעו קרא בגנותא דצדיקי. הא והא הוה בהו. בשלמא למ"ד סריסים ממש היינו דכתיב (שם) בביתי ובחומותי יד ושם טוב מבנים ומבנות אלא למ"ד שנסתרסה ע"ז בימיהם מאי טוב מבנים ומבנות אמר רב נחמן בר יצחק מבנים שהיו להם כבר ומתו. מאי שם עולם אתן לו אשר לא יכרת אמר ר' תנחום דרש בר קפרא בציפורי זה ספר דניאל שנקרא על שמו:

ריחא. עבן האש: הא והא הוו. סריסים ממש ונסתרסה ע"ז בימיהם: ריוב מבנים ומבנות. מכלל דבנים לא היו להו דסריסים היו: מאי טוב מבנים ומבנות. הכא לא מצי לתרוצי הא והא הוו דא"כ במאי פליגי: מבנים שהיו להם כבר ומתו. דלא הוו בניהם קיימים ומיהו לא היו סריסים: אתן לו. להם לא נאמר אלא לו לאחד מהם והיינו ספר דניאל שנקרא על שמו:
מכדי וכו'. רוב דברים שבספר עזרא נחמיה אמרן: דוד נמי מימר אמר הכי. כלומר מאי מחזיק טובה איכא: רב יוסף אמר לאו אהכי איענש דהא דוד נמי אמר כי האי גוונא אלא לכך נענש שספר

כב **מכדי** כל מילי דעזרא נחמיה בן חכליה אמרינהו ונחמיה בן חכליה מ"ט לא אקרי ספרא על שמיה אמר ר' ירמיה בר אבא מפני שהחזיק טובה לעצמו שנאמר (נחמיה ה) זכרה לי אלהי לטובה כל אשר עשיתי על העם הזה. דוד נמי מימר אמר (תהלים קו) זכרני ה' ברצון עמך פקדני בישועתך דוד רחמי הוא דקבעי. רב יוסף אמר מפני שספר בגנותן של ראשונים שנאמר (נחמיה ה) והפחות הראשונים אשר לפני הכבידו על העם ויקחו מהם בלחם ויין אחר כסף שקלים ארבעים גם נעריהם שלטו על העם ואני לא עשיתי כן מפני יראת אלהים. ואף על דניאל שגדול ממנו סיפר ומנ"ל דגדול ממנו דכתיב (דניאל י) וראיתי אני דניאל לבדי

איז בעסער ווי זיהן אונ טעכטער. אבער דער וואס זאגט אז סריסים מיינט מען די עבודה זרה איז אונפרוכטבאר געווארן. ווי קומט דער צו דער צו זאג פון זיהן מיט טעכטער. האט רב נחמן בר יצחק געזאגט דער פסוק שמועסט אויב די צדיקים וואס היטען שבת וועגען מאכי קיין סריסים ניט געוועזן. זייא האבען געהאט קינדער נאר זייא זענען געשטארבין. זאגט זייא גאט צו אז ער וועט זייא געבין אנאמען אויף דער וועלט וואס עס וועט זיין בעסער ווי קינדער. פרעגט די גמרא עס שטייט אין פסוק אייביגען נאמען וועל איך געבין צו אים וואס ער וועט ניט פאר שניטען ווערין פאר וואס שטייט צו אים. צו איינעם. עס דארף דאך שטיין צו זייא. האט רבי תנחום געזאגט בר קפרא האט גידרשנט אין צפורי דעם איינעם מיינט מען דניאל. אונ דער אייביגער נאמען מיינט מען דעם ספר דניאל וואס ער ווערט גירופען דניאל; אונ ניט אויף דעם נאמען פון חנניה אדער מישאל אדער עזריה:

כב מכדי: פרעגט די גמרא דאס מערסטע רייד פון דעם ספר עזרא האט נחמיה בן חכליה געזאגט. פאר וואס ווערט גירופען דער ספר עזרא. אונ ער ווערט ניט גירופען אויף דעם נאמען נחמיה. האט רבי ירמיה בר אבא געזאגט ווייל די אלע טובות וואס נחמיה האט גיטאהן מיט די יודין. האט ער גימיינט פון זיינעט וועגין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק נחמיה האט געזאגט גאט זאל מיר גידיינקין צו גוטען אלץ וואס איך האב גיטאהן מיט דעם פאלק. פרעגט די גמרא דוד האט דאך אויך אזוי געזאגט. גאט זאלסט מיך גידיינקען ווען עס וועט זיין דיין ווילען צו דיין פאלק דוא זאלסט מיך גידיינקין מיט דיין הילף. ענטפערט די גמרא דוד האט גיבעטין. אבער נחמיה האט גימאנט עס קומט איהם. רב יוסף זאגט נחמיה איז גישטראפט געווארן ווייל ער האט געזאגט ניט שיינע רייד אויף די פריערדיגע עלצטע פון די יודין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נחמיה האט געזאגט די ערשטע עלצטע וואס זענען גיוועזן פאר מיר האבען בשווערט אויף דעם פאלק אונ זייא האבען גינומען פון דעם פאלק פאר ברויט אונ וויין פערציג טאלער זילבער. אונ די יונגען פון די עלצטע האבען אויך גיוועלטיגט אויף דעם פאלק. אבער איך האב ניט אזוי גיטאהן ווייל איך האב מורא גיהאט פר גאט. אונ אפילו אויף דניאל וואס ער איז גיוועזן גרעסער פון איהם האט ער אויך גירעט שענדליכע רייד. פון וואנען ווייסען מיר אז דניאל איז גיוועזן גרעסער פון נחמיה. ווארום עס שטייט אין

לבדי את המראה והאנשים אשר היו עמי לא ראו את המראה אבל חרדה גדולה נפלה עליהם ויברחו בהחבא מאן נינהו אנשים א"ר ירמיה ואיתימא ר' חייא בר אבא זה חגי זכריה ומלאכי (דף לד) אינהו עדיפי מיניה ואיהו עדיף מינייהו אינהו עדיפי מיניה דאינהו נביאי ואיהו לאו נביא ואיהו עדיף מינייהו דאיהו חזא ואינהו לא חזו וכי מאחר דלא חזו מ"ט איבעית אע"ג דאינהו לא חזו מידי מזלייהו חזי . אמר רבינא ש"מ האי מאן דמבעית אע"ג דאיהו לא חזי מזליה חזי מאי תקנתיה לנשוף מדוכתיה ארבעה גרמידי אי נמי ליקרי קריאת שמע ואי קאי במקום הטינופת לימא הכי עיזא דבי טבחא שמינא מינאי :

נחמק של ראשונים : מאן נינהו . שהיו עמו : חגי זכריה ומלאכי . וכיון שהם לא ראו והוא ראה אלמא גדול מהם היה ומדאשכחן דניאל הוה חשיב טפי מחגי זכריה ומלאכי דהוו נביאי ש"מ דגדול הוה מנחמיה בן חכליה דלא הוה נביא ואפ"ה ספר עליו דלא אפקיה מכלל גנות הראשונים דניאל היה מבאי גולה עם החרש והמסגר ונחמיה היה מעולי הגולה זמן מרובה לאחר מכן : אינהו עדיפי מיניה וכו' . אגב גררא בעלמא קתני הכא ומלתא באפיה נפשה היא וברוב ספרים אינה כתובה : מ"ט איבעית . דכתיב אבל חרדה גדולה נפלה עליהם : לנשוף . לדלוג : במקום הטינופת . דלא מצי קרי : לימא הכי . לאש כלומר לך אצל העזים והניחני :

מ"ם שבתיבת למרבה המשרה סתום : כל הנסים הללו . שניצל מסנחריב ונתרפא מחליו : לכך

(ישעיה ט) **לםרבה** המשרה ולשלום אין קץ וגו' אמר רבי תנחום דרש בר קפרא בצפורי מפני מה כל מ"ם שבאמצע תיבה פתוחה וזו סתומה בקש הקב"ה לעשות חזקיה משיח וסנחריב גוג ומגוג אמר מדת הדין לפני הקדוש ברוך הוא רבונו של עולם ומה דוד מלך ישראל שאמר כמה שירות ותושבחות לפניך לא עשיתו משיח חזקיה שעשית לו כל הנסים הללו

פסוק דניאל האט גזאגט איך דניאל אליין האב געזעהן דיא זעהונג. אונ די מענטשין וואס זענין געוועזן מיט מיר האבען ניט געזעהן דיא זעהונג: נאר אגרויסע שרעק איז אויף זייא געפאלען אונ זייא זענען אנטלאפען אין אבעהאלטענעם ארט. ווער זענען געוועזן דיא מענטשין. האט רבי ירמיה גזאגט אנדערע זאגין רבי חייא בר אבא האט גזאגט דאס איז געוועזן חגי זכריה מלאכי. זאגט דיא גמרא זייא זענען געוועזן בעסער פון אים. אונ ער איז געוועזן בעסער פון זייא. זייא זענען געוועזן בעסער פון איהם. זייא זענען געוועזן נביאים אונ ער איז ניט געוועזן אנביא. אונ ער איז געוועזן בעסער פון זייא. ווארום ער האט געזעהן דיא זעהונג. אונ זייא האבען ניט געזעהן דיא זעהונג: פרעגט דיא גמרא אז זיי האבען ניט געזעהן פר וואס זענען זיי דער שראקין געווארין. ענטפערט דיא גמרא אפילו זייא האבען ניט געזעהן. אבער זייער מזל האט געזעהן. רבינא זאגט פון דאנען ווייסען מיר דער מענטש וואס שרעקט אונ ער ווייס ניט פאר וואס ער שרעקט. אפילו ער זעהט ניט די שלעכטס וואס אויף איהם דארף קומען אבער זיין מזל זעהט. וואס זאל ער טאהן. ער זאל אפ שפרינגען פון דעם ארט פיר איילין. אדער ער זאל לייענען קריאת שמע. אונ אויב ער שטייט אויף אמיאוסין ארט וואס ער קען דארט ניט לייענען קריאת שמע. אונ אפ שפרינגען פון דעם ארט האט ער ניט וואו: זאל ער אזוי זאגין דיא ציגען פון שעכט הויז זענין פעטער פון מיר לאז מיך אפ אונ גיי צו זייא. אבער פון דאנען זעהן מיר אז דניאל איז געוועזן גרעסער פון חגי זכריה מלאכי. וואס זייא זענען געוועזן נביאים. איז ער דאך פון נחמיה געווים געוועזן גרעסער. ווארום נחמיה איז ניט געוועזן אנביא. פון דעסטוועגין הט נחמיה אויף איהם גירעט שענדליכע רייד. ווארום ער האט גירעט אויף אלע עלצטע. הט ער דאך דניאלן אויך גימיינט. ווארום דניאל איז דאך אויך געוועזן אעלצטער :

כג לםרבה. רבי תנחום האט גזאגט בר קפרא האט גידרשה'ט אין צפורי פאר וואס אלע ממי"ן וואס אין מיטען ווארט זענען האפען. אונ דער מ"ם פון ווארט לםרבה איז פאר מאכט. נאר ווייל גאט האט געוואלט מאכען חזקיה זאל זיין משיח. אונ סנחריב זאל זיין גוג ומגוג. הט דער מדת הדין גזאגט פאר גאט רבונו של עולם מאדאך דוד מלך ישראל וואס ער האט גזאגט פר דיר אזוי פיל גזאנג אונ לויב האסטו אים ניט גימאכט משיח. אונ חזקיה וואס דוא האסט

חללו ולא אמר לפניך שירה תעשה משיח לכך נסתתם. מיד פתחה הארץ ואמרה לפניו רבש"ע אני אומר לפניך שירה תחת צדיק זה ועשהו משיח פתחה ואמרה שירה לפניו שנאמר (שם כד) מכנף הארץ זמירות שמענו צבי לצדיק וגו' אמר שר העולם לפני הקב"ה רבש"ע עשה צביונו לצדיק זה יצתה ב"ק ואמרה רזי לי רזי לי אמר נביא אוי לי אוי לי עד מתי. יצתה בת קול ואמרה (שם) בוגדים בגדו ובגד בוגדים בגדו ואמר רבא ואיתימא רב יצחק עד דאתי בזוזי ובזוזי דבזוזי. (שם כא) משא דומה אלי קורא משעיר שומר מה מלילה וגו' א"ר יוחנן אותו מלאך הממונה על הרוחות דומה שמו נתקבצו כל הרוחות אצל דומה אמרו לו שומר מה מלילה שומר מה מליל אמר שומר

אתא

נסתם. כלומר נסתמו הדברים כי לא בא שנה ולא נעשה. ל"א גרי' נסתם פיו של הקב"ה לסתום צרותיהן של ישראל שבקש לעשותו משיח ומורי אמר כפי שנסתם פיו של חזקיהו ולא אמר שירה: שר העולם. מלאך שכל העולם מסור בידו (ור"ק מכנף הארץ זמירות שמענו שפתחה ואמרה שירה): שמענו צבי לצדיק. שר העולם שאמר עשה צביונו של צדיק: רזי לי רזי לי. נסתרות אלי כן ואני יודע על מה מעכב: אמר נביא [אוי לי] עד מתי. יצאה תבית: עד דאתי בזוזי ובזוזי דבזוזי. עד שיהבזזו בוגדי ישראל כמה פעמים: על הרוחות. שהנשמות נפקדות אצלו והיינו משא דומה כך אמר דומה אלי קורין הרוחות על עסקי שעיר עשו ואמר לי שומר מה מגינה הקב"ה שהוא. ומר מה אמר (מלילה זה) מן הגלות שהוא כלילה: שומר מה מליל. מה דבר למתי קץ הגאולה מליל זה: אתא בקר. בתמיה ויאות כפרים דלא כתיב בהו ונכון: אמר להם. השר כך אמר שומר הקב"ה אתא בקר גאולה הבא וגם לילה אבל מתחלה תהיה גלות הרבה. ל"א לאחר שיגאלו ויבנה מקדש שני יחזרו ויגלו גלות זה. ל"א גם לילה לרשעים וכן תרגומו מוכיח

גיטאהן פאר איהם דיא אלע נסים. האסט איהם גירעטעט פון סנחריב אונד האסט איהם גיזונד גימאכט פון זיין קראנקייט אונד ער האט ניט גזאגט פאר דיר שירה. ווילסטו איהם מאכען ער זאל זיין משיח. דריבער איז פאר מאכט גיווארין דער מ"ם פון למרבה. צוא וויזין נאט האט גיוואלט למרבה. צו מערין דיא גיוועלטיגקייט פון חזקיה. איז פאר מאכט גיווארין דם מערונג. באלד נאך דיא רייד האט דיא ערד גיעפונט איר מויל אונד האט גזאגט פאר גאט רבונו של עולם איך וועל זאגען פאר דיר שירה פאר דעם צדיק חזקיהוס וועגין אונד מאך אידם ער זאל זיין משיח. האט דיא ערד אן גיהויבען צו זאגען שירה פאר גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פון עק ערד האבען מיר גיהערט לויב צוא גאט. צבי לצדיק. דער שר פון דער וועלט דאט גזאגט פר גאט רבונו של עולם טוה דעם ווילען פון דעם צדיק. איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל אונד האט גזאגט. רזי לי רזי לי. דיא סודות פון משיח וויים קיינער ניט נאר איך. הט דער נביא גזאגט אוי לי אוי לי. וויי צוא מיר. ביז ווען וועט מען ווארטין אויף משיח. איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל אונד האט גזאגט בוגדים בגדו ובגד בוגדים בגדו. הט רבא גזאגט אנדערע זאגין רב יצחק האט גזאגט דער פסוק מיינט ביז עס וועלין קומען רויבערס אונד וועלין רויבען ביי דיא יודין זייער פאר מעגין. אונד נאך דיא רויבערס וועלין קומען נאך אמאהל רויבערס אונד וועלין רויבין וואס דיא ערשטע האבען איבער גילאזין. אונד אזוי וועט זיין עטליכע מאהל ביז דיא יודין וועלין ארעם ווערין דער נאך וועט קומען משיח. עס שטייט אין פסוק משא דומה אלי קורא משעיר שומר מה מלילה. רבי יוחנן זאגט. דער מלאך וואס דיא נשמות פון דיא טויטע ווענין אונטער זיין רשות. זיין נאמען איז דומה. אלע נשמות וואס האפען משיח זאל קומען וועלין זייא צוריק לעבעדיג ווערין אונד וועלין ארויס גיין פון גיהנם. פר זאמלען זיך צום מלאך דומה אונד זיא פרעגין ביי אים דוא ביסט דאך אונזער שומר זאג אונז וואס וועט זיין דער סוף פון דער נאכט (פון דעם ערשטין גלות וואס ער איז פינסטער וויא דיא נאכט). אונד דוא ביסט דאך אונזער שומר זאג אונז וואס וועט זיין דער סוף פון דער נאכט (פון דעם אנדערין גלות וואס ער איז נאך פינסטערער וויא דיא נאכט). זאגט דער שומר פון דיא פינסטערניס פון דעם ערשטין גלות אונד איז שוין גיקומען דער מארגין. פון איהם וועט איר גשווינט אונד באלד אויס גילייזט ווערין. אבער דיא אנדערע נאכט דאס איז דער אנדערער גלות. אז איר וועט וועלין פון אים אויס גילייזט ווערין מוזט איר פיל בעטין צוא גאט אונד תשובה טאהן וועט איר קומען צוא דיא גאולה. אונז אז וו מיינט דער פסוק משא דומה. אזוי

אתא בקר וגם לילה אם תבעיון בעיו שובו אתיו׃

כד תנא משום ר' פפיים גנאי הוא לחזקיה וסייעתו שלא אמרו שירה עד שפתחה הארץ ואמרה שירה שנאמר (ישעיה כד) מכנף הארץ זמירות שמענו צבי לצדיק וגו' וכיוצא בדבר אתה אומר (שמות יח) ויאמר יתרו ברוך ה' אשר הציל אתכם תנא משום רבי פפיים גנאי הוא למשה וששים רבוא שלא אמרו ברוך עד שבא יתרו ואמר ברוך ה'. (שם) ויחד יתרו רב ושמואל רב אמר שהעביר חרב חדה על בשרו ושמואל אמר שנעשה חדודין חדודין כל בשרו אמר רב היינו דאמרי אינשי גיורא עד עשרה דרי לא תבזי ארמאה קמיה. (ישעיה י) לכן ישלח האדון ה' צבאות במשמניו רזון מאי משמניו רזון אמר הקדוש ב"ה יבא חזקיה שיש לו שמונה שמות ויפרע מסנחריב שיש לו שמונה שמות. חזקיה דכתיב (שם ט) כי ילד יולד לנו בן נתן לנו ותהי המשרה על שכמו ויקרא שמו פלא יועץ אל גבור אבי עד שר שלום והאיכא חזקיהו שחזקו יה ד"א חזקיה שחזק את ישראל לאביהם שבשמים. סנחריב דכתיב ביה תגלת

פירוש: אית אגר לצדיקים ואית פורענות לרשיעייא: אם תבעיון. אם תבקשו להגאל: בעיו. בקשו רחמים: שובו. בתשובה: ואתיו. לגאולה:

גנאי הוא. דבר מגונה עשו: חרב חדה. שמל בשרו ונתגייר: חדודין חדודין. קמטין קמטין שהיה מיצר מאד על מפלת מצרים: גיורא עד עשרה דרי. הכי הוא משל בני אדם ומיהו יתרו נמי עשירי הוה: פלא יועץ אל גבור אבי עד שר שלום: במחזק ישראל. העוסקין בתורה בדלקמן: תגלת פלאסר. הם אחד הוא דכתיב ביומי פקח בן רמליהו בא תגלת פלאסר מלך אשור:

זאגט דער מלאך דומה. אלי קורא משעיר. צו מיר רופען די נשמות אונ זיי פרעגן וואס וועט זיין פון דעם גלות שעיר׃

כד תניא. מיר האבען גילערונט רבי פפיים זאגט עס איז גיוועען אשאנדע פאר חזקיה מיט זיינע מענטשין וואס זייא האבען ניט גיזאגט שירה ביז דיא ערד האט גיעפינט איר מויל אונ האט גזאגט שירה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פון עק ערד האבען מיר גיהערט לויב צו גאט אז ער האט גיטאהן דעם ווילען פון דעם צדיק יחזקיה׃ נאך אזוי אגלייכען זאגט דער פסוק יתרו האט גזאגט גילויבט איז גאט וואס ער האט אייך גירעטעט פון מצרים. האבען מיר גילערונט רבי פפיים זאגט עס איז גיוועען אשאנדע פאר משה אונ זעקס מאהל הונדערט טויזענד יודין וואס זייא האבען ניט גזאגט ברוך ה׳׃ גילויבט איז גאט. ביז יתרו איז גיקומען האט ער גזאגט ברוך ה׳. גלויבט איז גאט׃ אין פסוק שטייט ויחד יתרו. רב אונ שמואל קריגען. רב זאגט ויחד איז דער טייטש שארפין יתרו האט דורך געפירט אשארפין שווערד אויף זיין לייב. דאס מיינט מען ער האט זיך מל גיוועען אונ מגייר גיוועען. אונ שמואל זאגט ויחד איז דער טייטש גישטאכען׃ דאס גאנצע לייב האט איהם גישטאכען. ווייל ער האט גיהאט גרויס צער וואס די מצרים זענען פאר לארין גיווארין. רב זאגט דאס איז וואס מענטשין זאגן אפילו איינער איז דער צעהנטער געבירט פון אגר. זאלסטו ניט פאר שעמען אגוי פאר אים. ווארום ער האט צער. אונ יתרו וואס ער אליין איז גיוועען אגר. האט געווים גיהאט גרויס צער פון דיא מצרים וואס זיי זענען פאר לארין גיווארין. עס שטייט אין פסוק דריבער וועט שיקען דער העררר גאט פון אלע ערשאפט במשמניו רזון. וואס מיינט מען במשמניו רזון. גאט האט גזאגט זאל קומען חזקיה וואס ער האט אכט נעמען אונ ער זאל אפ גיצאלט ווערין פון סנחריב וואס ער האט אויך אכט נעמען. ער טייטשט דעם ווארט משמניו אזוי וויא עס וואלט גישטאנען שמונה. אכט. במשמניו רזון. אין זיינע אכט נעמען וועט קומען אמאגערקייט. ביי חזקיה שטייט אין פסוק אקינד איז צו אונז גיבארין גיווארין. אזוהן איז צו אונז גיגעבין גיווארין. אונ די גיוועלטיגקייט איז גיוועען אויף זיין אקסיל. אונ ער האט גירופען זיין נאמען פלא יועץ אל גבור אבי עד שר שלום׃ איז אכט נעמען. פרעגט דיא גמרא מען האט דאך איהם גירופען חזקיה. ענפערט דיא גמרא חזקיה איז ניט גיוועען א נאמען נאר מען האט גזאגט אויף איהם חזקו יה. גאט האט אים גישטארקט. אנדערע זאגן חזקיה מיינט מען חזק יה. ער האט גישטארקט דיא יודין צוא גאט.

(מ"ב טו) תגלת פלאסר (ד"ה א' ה') פלנאסר (מ"ב יז) שלמנאסר (שם טו) פול (ישעיה כ) סרגון (עזרא ד) אסנפר רבא ויקירא והאיכא סנהריב שסיחתו ריב ד"א סח ונחר דברים כלפי מעלה. אמר ר' יוחנן מפני מה זכה אותו רשע לקרותו אסנפר רבא ויקירא מפני שלא סיפר בגניתה של א"י שנאמר (מ"ב יח) עד בואי ולקחתי אתכם אל ארץ כארצכם רב ושמואל ח"א מלך פקח היה וח"א מלך טפש היה למ"ד מלך פקח היה אי אמינא להו עדיפא מארעייכו אמרו קא משקרת ומ"ד מלך טפש היה א"כ מאי רבותיך. להיכא אגלי להו מר זוטרא אמר לאפריקא ור' חנינא אמר להרי סלוג. אבל ישראל ספרו בגנותה של א"י כי מטו שוש אמרו שויא כי ארעין כי כטו עלמין אמרו בעלמין כי כטו שוש תרי אמרו על חד תרין :

(ישעיה י) **כה ותחת** כבודו יקד יקוד כיקוד אש אמר רבי יוחנן תחת כבודו ולא כבודו ממש כי הא דרבי יוחנן קרי ליה למאניה

אסנפר. חד רבא הד ויקירא חד : כלפי מעלה. כדלקמן שחירף ע"י מלאך : אל ארץ כארצכם. ולא אמר מוטבת מארצכם : קא משקרת. שהרי אין ארץ מעולה הימנה ולכן לא הוי מוטבה מארצכם : להיכא אגלינהו. סנהריב לעשרת השבטים דכתיב וינחם בחלה ובחבור נהר גוזן וערי מדי הני כינוי אותן מקומות : אבל ישראל. כי אגליאהו סנהריב. ספרו בגנותה של א"י דכי מטו לההוא מקום ששמו שוש אמרי שויא לארעין. זאת כארץ שוייס לארצנו : כשבאו. למקום ששמו עלמין אמרו כי עלמין זה המקום שוה לירושלים שנקראת בית עולמים : כשבאו למקום שוש תרי אמרו על חד תרין. כלו' זה יפה פי שנים כמקומנו ועל שם כך נקראו כל אותן מקומות כך :

ה"ג תחת כבודו ולא כבודו ממש. דכבודו ממש משמע בשרו וגופו תחת כבודו משמע תחת הגוף והבשר כלומר נשמה שבתוך הגוף והשתא אמר תחת כבודו ולא כבודו ממש נשמה שבתוך הגוף

ביי סנחריב שטייט אין פסוק תגלת פלאסר. פלנאסר. שלמנאסר. פול. סרגון. אסנפר. רבא. ויקירא. אכט נעמען. פרעגט דיא גמרא מען האט דאך איהם גירופען סנחריב. ענפערט דיא גמרא סנחריב איז ניט גיוועזען א נאמען נאר מען האט גזאגט אויף איהם סנחריב. שסיחתו ריב. זיינע רייד איז גיוועזען צו מאכען אקריג. דיא יודען זאלען זיך קריגען מיט חזקיהו. אנדערע זאגען סנחריב מיינט מען סח ונחר דברים כלפי מעלה. ער האט גירעט און גיברומט מיט רייד געגען גאט. רבי יוחנן זאגט פאר וואס האט זוכה גיוועזען דער רשע סנחריב מען זאל איהם רופען אסנפר רבא ויקירא (דער גרויסער און דער טייערער מלך) . ווייל ער האט ניט גירעט קיין שענדליכע רייד אויף ארץ ישראל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק סנחריב האט גזאגט ביז איך וועל קומען און וועל אייך נעמען. צו אזוי אלאנד וויא אייער לאנד איז. און ער האט ניט גזאגט אבעסערע וויא אייערע לאנד איז. רב און שמואל קריגען. איינער זאגט אז דער מלך סנחריב איז גיוועזען אקלוגער מלך. און איינער זאגט אז דער מלך סנחריב איז גיוועזען אנארישער מלך. דער וואס זאגט אז סנחריב איז גיוועזען אקלוגער מלך. ווארום סנחריב האט גיטראכט אז איך וועל זייא זאגען איך וועל אייך געבין אלאנד אבעסערע וויא אייער לאנד. וועלין זייא מיר ניט גלויבען זייא וועלין זאגין איך זאג ליגען. דריבער האט ער ניט גזאגט אבעסערע דיא אייער לאנד נאר אזוי וויא אייער לאנד. און דער וואס זאגט ער איז גיוועזען אנארישער מלך. אז ער האט זייא גזאגט דיא נייע לאנד וואס ער וויל זייא געבין וועט זיין אזוי גוט וויא ארץ ישראל. אבער ניט בעסער. האט ער דאך בדארפט טראכטין דיא יודין וועלין איהם ענפערין אז ניט בעסער וויא אונזער לאנד. צו וואס זאלין מיר אוועק גיין פון אונזער לאנד. וואו אהין האט סנחריב פאר טריבען דיא צעהן שבטים. מר זוטרא זאגט אין אפריקא. רבי חנינא זאגט צו דיא בערג סלוג. אבער דיא יודין אז זייא זענען גיקומען אין דיא לענדער וואס סנחריב הט זייא פאר טריבען. האבען זייא גישענדט ארץ ישראל. אז זייא זענען גיקומען צו דעם ארט וואס הייסט שוש. האבען זייא גזאגט דער ארט איז גלייך צו אונזער לאנד. אז זייא זענען גיקומען צו דעם ארט וואס הייסט עלמין האבען זייא גזאגט דער ארט איז גלייך צו ירושלים. אז זיי זענען גיקומען צום ארט וואס הייסט שוש תרי. האבען זייא גזאגט דער ארט איז צוויי מאהל אזוי גוט וויא אונזער לאנד :

כה ותחת. אונטער זיין כבוד האט גיברענט אפלאם פייער. רבי יוחנן זאגט אונטער זיין כבוד האט גיברענט. אבער דער כבוד האט ניט גיברענט. ווארום רבי יוחנן האט גירופין

מכבדותיה רבי אלעזר אומר תחת כבודו ממש כשרפת בני אהרן מה להלן שרפת נשמה וגוף קיים אף כאן שרפת נשמה וגוף קיים:

כן תנא משמיה דרבי יהושע בן קרחה פרעה שחירף בעצמו נפרע הקב"ה ממנו בעצמו סנחריב שחירף ע"י שליח נפרע הקב"ה ממנו (שם מ"ב) ע"י שליח. פרעה דכתיב ביה (שמות ה) מי ה' אשר אשמע בקולו נפרע הקב"ה ממנו בעצמו דכתיב (שם יד) וינער ה' את מצרים בתוך הים וכתיב (חבקוק ג) דרכת בים סוסיך חומר מים רבים. סנחריב דכתיב (מ"ב יט) ביד מלאכיך חרפת ה' נפרע הקב"ה ממנו ע"י שליח דכתיב (שם) ויצא מלאך ה' ויך במחנה אשור מאה ושמונים וחמשה אלף וגו'. ר' חנינא בר פפא רמי כתיב (ישעיה לז) מרום קצו וכתיב (מ"ב יט) מלון קצו אמר אותו רשע בתחלה אחריב דירה של מטה ואח"כ אחריב דירה של מעלה. אמר רבי יהושע בן לוי מאי דכתיב (שם יח) עתה המבלעדי ה' עליתי על המקום הזה

אלא האי כבודו פירוש בגדיו דאמר מגדיהם נשרפו וכי אם דר' יצחק וכו' דכל הגוף נשרף תחת שבגדיים ולא גרסינן תחת כבודו ולא תחת כבודו ממש דמשמע דמקרא נפקא לזה דהאי תחת כבודו לא תחת [כבודו] ממש ומכילא תיפוק ליה האי אבל הכא דרשה בעלמא דריש ליה: תחת כבודו ממש. תחת גופו ממש שהגוף קיים ונשמה נשרפת: בעצמו. הוא עצמו ולא ע"י שליח לא הי' בזוי כל כך ולכך הקב"ה כמו כן נפרע ממנו בעצמו ולא נתביים כל כך דהיינו דומה מתביים מן הגדול לנתביים מן הקטן: ע"י שליח. דהיינו בזוי יותר אף הקב"ה נפרע ע"י שליח ונתביים יותר: כתיב מרום קצו. בישעיה: וכתיב מלון קצו. במלכים מרום קצו משמע דירה של מטה כדכתיב מרום מראשון מקום מקדשנו מלון קצו משמע דירה של

זיינע קליידער מכבדותיה. דאס איז מיין כבוד. מיינט דער פסוק דער גאנצער גוף וואס אונטער דיא קליידער איז פאר ברענט געווארין. אבער דיא קליידער זענען ניט פאר ברענט געווארין. רבי אלעזר זאגט כבודו מיינט כען דעם גוף. אונ עס האט געברענט אונטער דעם גוף וויא נשמה האט געברענט] אבער דער גוף איז ניט פאר ברענט געווארין. אזוי וויא נדב ואביהוא דיא קינדער פון אהרן זענען פאר ברענט געווארין. אזוי וויא זייא זענען פאר ברענט געווארין דיא נשמות אונ דיא גופים זענען געבליבען אין גאנצין. אזוי דא בייא סנחריב זענען די נשמות פאר ברענט געווארין אבער דיא גופים זענען געבליבען:

כן תניא: מיר האבין געלערנט רבי יהושע בן קרחה האט געזאגט פרעה וואס ער אליין האט געלעסטערט גאט. איז גאט אליין פון איהם געצאהלט געווארין. אבער סנחריב וואס ער האט געשיקט אשליח. דער שליח זאל לעסטערין גאט. איז גאט אויך פון איהם געצאהלט געווארין דורך אשליח: בייא פרעה שטייט אין פסוק ער האט געזאגט ווער איז דאס דער גאט וואס איך זאל הערין זיין קול. איז גאט אליין פון איהם געצאהלט געווארין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט אליין געשאקלט דיא מצרים אין ים. נאך שטייט אין פסוק דוא האסט געטרעטין אין ים דיינע פערד ווען דיא פיל וואסער האט גערוישט אונ געשטורעמט אונ דיא וואסער זענען געווארין אזוי וויא בערג. זעהן מיר אז פרעהן אונ דיא פערד זיינע האט גאט אליין דער טרונקען אין ים. בייא סנחריב שטייט אין פסוק דורך דיינע שלוחים האסטו געלעסטערט גאט. איז גאט אויך פון איהם געצאהלט געווארין דורך אשליח. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער מלאך פון גאט איז ארויס געגאנגען אונ האט געשלאגין אין דער מחנה פון אשור הונדערט פינף אונ אכציג טויזענד מענטשין. רבי חנינא בר פפא האט געפרעגט אין איין פסוק שטייט סנחריב האט געזאגט איך וועל חרוב מאכין מרום קצו. דאס מיינט מען דעם אונטערשטין בית המקדש. אונ אין אנדערין פסוק שטייט איך וועל חרוב מאכין מלון קצו. דאס מיינט מען דעם אויבערשטין בית המקדש. דער רשע סנחריב האט געזאגט פריער וועל איך חרוב מאכין דאס אונטערשטע וואהנונג דעם אונטערשטען בית המקדש. דער נאך וועל איך חרוב מאכין דאס אויבערשטע וואהנונג דעם אויבערשטין בהמ"ק. רבי יהושע האט געזאגט עס שטייט אין פסוק סנחריב האט געזאגט אויסער דעם ווילען פון גאט בין איך אויף געגאנגען אויף דעם ארט אים צו פר דרבין? גאט האט צו מיר געזאגט גייא אויף אויף די לאנד אונ פאר דארב זיא. ווא האט דאס גאט געזאגט

הזה להשחיתו ה' אמר אלי עלה על הארץ הזאת והשחיתה מאי היא דשמעיה לנביא דקאמר (ישעיה ח) יען כי מאס העם הזה את מי השלוח ההולכים לאט ומשוש את רצין ובן רמליהו אמר רב יוסף אלמלא תרגומו דהאי קרא לא הוה ידענא מאי קאמר. חלף דקץ עמא הדין במלכותא דבית דוד דמדבר להון בנייחו כמי השלוח דנגדין בניית ואתרעיאו ברצין ובן רמליהו :

כז א"ר יוחנן מ"ד (משלי ג) מארת ה' בבית רשע ונוה צדיקים יברך מארת ה' בבית רשע זה פקח בן רמליהו שהיה אוכל ארבעים סאה גוזלות בקינוח סעודה ונוה צדיקים יברך זה חזקיה מלך יהודה שהיה אוכל ליטרא (בשר) [ירק] בסעודה. (ישעיה ח) ולכן הנה ה' מעלה עליהם את מי הנהר העצומים והרבים את מלך אשור [וגו' ועלה על כל אפיקיו] וכתיב (שם) וחלף ביהודה שטף ועבר עד צואר יגיע אלא מ"ט איענש. נביא אעשרת השבטים אתנבי והוא יהיב דעתיה על כולה ירושלים בא נביא וא"ל (שם) כי לא מועף לאשר מוצק לה א"ר אלעזר בר ברכיה אין נמסר עם עיף בתורה ביד מי שמציק לו. מאי (שם) כעת הראשון הקל ארצה

מעלה בית מלונו : ה' אמר אלי עלה על הארץ הזאת והשחיתה מאי היא. היכן א"ל הקב"ה להשחיתה: יען כי מאס העם הזה וגו'. ומשוש את רצין ובן רמליהו ואתרעיאו [להשחיתם] ברצין ובן רמליהו : מארת ה'. אשר לא ישבע מכל מה שהיה אוכל : אוכל ליטרא (בשר) [ירק]. בסעודה : ועלה על כל אפיקיו. שא"ל הקב"ה עלה והשחת : מ"ט איענש. מאחר שברשות הלך סנחריב נענש עליו מ"ט איענש : בא נביא ואמר לו. כשבא על ירושלים : לא מועף לאשר מוצק לה. לא נמסר עמו של חזקיהו שהוא עיף בתורה ביד סנחריב המציק לו : כעת הראשון הקל ארצה זבלון וארצה נפתלי וגו' לא כראשונים. עשרת השבטים שהקלו מעליהם עול

וואָרום סנחריב האט געהערט דער נביא האט געזאגט ווייל דאס פאָלק האט פאַרמאוסט די וואַסער פון דעם טייך שלוח וואס זייא גייען פאמעלאך און ער האט דער פרייט דעם רצין און דעם זוהן פון רמליהו. רב יוסף האט געזאגט ווען ניט דער תרגום פון דעם פסוק וואָלט איך ניט וויסען וואס דער פסוק זאגט. אַזוי זאגט דער תרגום ווייל דאס פאָלק האט פאַר מיאוסט די קעניגרייך פון דודס פאמיליע וואס ער פירט זייא רוהיג אַזוי ווייא דיא וואַסער פון דעם טייך שלוח וואס זייא ציהען זיך רוהיג. און איהר ווילט די מלוכה פון דודן פאר דארבין און נעמען אַמלך דעם רצין און דעם זוהן פון רמליהו. דריבער איז סנחריב געגאַנגען חרוב מאכין ירושלים און שטראָפין די יודין ואַזוי ווי ווייטער אין סימן כז שטייט :

כז אמר. רבי יוחנן האט געזאגט עס שטייט אין פסוק די פלוכונג פון גאט איז אין די שטוב פון רשע. און די וואוהנונג פון די צדיקים איז געבענשט. די פלוכונג פון גאט איז אין די שטוב פון רשע דאס מיינט מען דעם מלך פקח בן רמליהו. זיין פלוכונג איז געווען ער פלעגט קיין מאהל ניט זאט ווערין. צום פאר בייסין נאך דעם עסין פלעגט ער אויף עסין פערציג סאה טויבין [אסאה איז אַזוי אמאס]. און די וואוהנונג פון די צדיקים איז געבענשט דאס מיינט מען חזקיה מלך יהודה: ער פלעגט עסין אפונט ירק און דאס איז געווען זיין סעודה [ירק מיינט מען די גרינוואַרג וואס וואקסט אין גארטין]. זאגט דער נביא ווייל זיי האבין פר מיאוסט די מלוכה פון דוד וועט גאט ברייינגען אויף זיי די וואַסער פון טייך פרת די פילע און די שטאַרקע. דאס מיינט מען סנחריב דער מלך פון אשור. און ער וועט אויף גיין אויף די יודין. און עס שטייט נאך אין פסוק סנחריב וועט דורך גיין אין יהודה און ער וועט פר פרייצין ביז צום האלדז וועט ער גיין. האב דאך גאט געהייסין סנחריב זאל גיין חרוב מאכין די יודין. פרעגט די גמרא פר וואס איז סנחריב געשטראָפט געוואָרין. ענטפערט די גמרא דער נביא האט נביאות געזאגט אַז סנחריב וועט קומען אויף די צעהן שבטים. און סנחריב האט געוואָלט איין נעמען גאַנץ ירושלים. ווי סנחריב איז געקומען צו ירושלים זי איין נעמען. איז געקומען דער נביא און האט געזאגט צו איהם כי לא מועף לאשר מוצק לה. דער וואס איז מיד וועט ניט איבער געגעבין ווערין אין די האנט פון דעם וואס דריקט איהם. רבי אלעזר בר ברכיה זאגט די פאלק פון חזקיה וואס זיי זענען מיד פון תורה לערנען וועלין ניט איבער געגעבין ווערין אין די האנט

ארצה זבלון וא צה נפתלי והאחרון הכביד ד"ך הים עבר הירדן גליל הגוים לא כראשונים שהקלו מעליהם עול תורה אבל אחרונים שהכבידו עליהם עול תורה וראויין הללו לעשות להם נס כעוברי הים וכדורכי הירדן אם חוזר בו מוטב ואם לאו אני אעשה לו גליל בגוים. (דה"ב לב) אחרי הדברים והאמת האלה בא סנהריב מלך אשור ויבא ביהודה ויחן על הערים הבצורות ויאמר לבקעם אליו האי דישנא להאי פרדשנא. אחרי הדברים והאמת מאי אחר אמר רבינא לאחר שקפץ הקב"ה ונשבע ואמר אי אמינא ליה לחזקיה מייתינא ליה לסנחריב ומסרנא ליה בידך השתא אמר לא הוא בעינא ולא ביעתותיה בעינא מיד קפץ הקב"ה ונשבע דמייתינא ליה שנא' (ישעיה יד) נשבע ה' צבאות לאמר אם לא כאשר דמיתי כן היתה וכאשר יעצתי היא תקום לשבור אשור בארצי ועל הרי אבוסנו וגו' א"ר יוחנן [אמר הקב"ה] יבא סנהריב וסיעתו ויעשה אבוס לחזקיהו ולסיעתו. (שם י) והיה ביום ההוא יסור סבלו מעל שכמך ועלו מעל צוארך וחבל

בתורה אבל האחרונים עמו של חזקיה הכבידו עליהם עול תורה והיינו דכתיב והאחרון הכביד דרך הים עבר הירדן גליל הגוים ראויין הללו לעשות להם נס כיוצאי מצרים שעברו את הים וכדורכי הירדן: אם חוזר בו. סנחריב: מוטב. ואם לאו אעשה אותו גליל בגוים (גלילה בגוים שמתגלגלות) [שמגלגל] בתרסה (בגויים) [בכל הגוים] ל"א לשון גללים:
מ"ד אחרי הדברים והאמת האלה. השתא משמע אמת שהיה בחזקיהו שהיו עסוקין בתורה בא סנחריב מלך אשור ויבא ביהודה ויחן על הערים ויאמר לבקעם אליו: האי דישנא להאי פרדשנא. וכי מביאין דורון [כזה] לאדון כזה וכי מפני שהאמת בחזקיהו בא סנחריב: אמר רבינא. מאי אחר הדברים והאמת אחר שקפץ הקב"ה ונשבע להביא סנחריב והיינו אמת שחותמו של הקב"ה וקיומו אמת: ויעשה אבוס. שיהיו כלם פגרים ויאכלו סוסיהם ובהמתם בתוך [עצמות] הפגרים כעין אבוס:

פון דעם וואס דריקט איהם. וואס מיינט דער פסוק די ערשטע צייט איז גרינג געווען די לאנד זבולון אונד די לאנד נפתלי אונד דר לעצטער איז שווער געווען די וועג פון ים אונד די זייט פון ירדן אונד גליל הגוים. ניט אזוי ווי די ערשטע ווי די צעהן שבטים וואס האבין אויף זיך גרינג געמאכט דעם יאך פון די תורה. אזוי ווי דער שבט זבולון אונד דער שבט נפתלי האבין געטאהן. אבער די לעצטע (דאס פאלק פון חזקיהו) האבין אויף זיך שווער געמאכט דעם יאך פון דער תורה. זענען זיי ווערט איך זאל טאהן צו זייא ניסים אזוי ווי איך האב געטאהן נסים צו דיא מענטשין וואס זענען אריבער געגאנגען דעם ים אונד ווי די וואס האבין געטרעטין אין ירדן. אויב סנחריב וועט אליין אוועק גיין פון ירושלים איז גוט. אונד אויב ער וועט ניט וועלין אוועק גיין פון ירושלים. וועל איך איהם מאכין גליל בגוים. אז ער וועט זיין פאר מיאוסת אונד צו שאנד צווישען אלע פעלקער. אין פסוק שטייט נאך די רייד אונד דעם אמת איז געקומען סנחריב דער מלך פון אשור אונד ער איז געקומען אין יהודה אונד ער הט גערוהט אויף די פעסטע שטעט אונד ער האט געזאגט ער מוז זיי צו שפאלטין פון זיינעט וועגין. פרעגט די גמרא האי דישנא להאי פרדשנא. די מתנה ברייננט מען צו דעם האר. ווייל חזקיה האט געלערנט תורה וואס זי איז אמת. דריבער ברייננט מען אויף איהם סנחריב מלך אשור: האט רבינא געזאגט וואס עס שטייט אין פסוק נאך די רייד אונד דעם אמת. מיינט מען אזוי. נאך די רייד וואס גאט האט געזאגט אויב איך וועל זאגין צו חזקיהו איך וועל ברייגגען אויף דיר דעם מלך סנחריב, אונד איך וועל איהם איבער געבין אין דיין האנט. וועט חזקיהו זאגין איך וויל ניט דעם נס אונד איך וויל ניט די שרעק: דריבער האט גאט געשוואורין ער זאל חזקיהו גאר ניט זאגין אונד ער זאל פלוצלונג ברייננען אויף איהם דעם מלך סנחריב ודאס מיינט מען אמת ווארום די שבועה פון גאט איז דאך געווים אמת) אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט געשוואורין אונד האט געזאגט אויב ניט אזוי ווי איך האב געטראכט אזוי איז געווארין אונד אזוי ווי מיין עצה איז געווען אזוי וועט בלייבען שטיין. צום צו ברעכין סנחריב מלך אשור אין מיין לאנד. אונד אויף מיינע בערג אבוסנו. וועל איך איהם צו טרעטין [אונד נאך די רייד אונד די שבועה איז סנחריב געקומען אויף ירושלים]. רבי יוחנן זאגט אבוסנו מיינט מען קארעטעס. גאט האט געזאגט סנחריב מיט זיינע מענטשין זאלין קומען צו ירושלים אונד דארטין וועלין זיי בלייבען ליגען טויט אונד מען וועט אויף שפאלטין

וחבל עול מפני שמן א"ר יצחק נפחא חובל עול של סנחריב מפני שמנו של חזקיהו שהיה דולק בבתי כנסיות ובבתי מדרשות מה עשה נעץ חרב ע׳ פתח בית המדרש ואמר כל שאינו עוסק בתורה ידקר בחרב זו בדקו מדן ועד באר שבע ולא מצאו עם הארץ מגבת ועד אנטיפרס ולא מצאו תינוק ותינוקת איש ואשה שלא היו בקיאין בהלכות טומאה וטהרה ועל אותו הדור הוא אומר (שם ז) והיה ביום ההוא יחיה איש עגלת בקר ושתי צאן וגו׳ ואומר (שם) והיה ביום ההוא יהיה כל מקום אשר יהיה שם אלף גפן באלף כסף לשמיר ולשית יהיה אע"פ שאלף גפן באלף כסף לשמיר ולשית יהיה (שם לג) ואוסף שללכם אוסף החסיל אמר להם נביא לישראל אספו שללכם אמרו לו לבזוז או לחלוק אמר להם כאוסף החסיל מה אוסף החסיל כל אחד ואחד לעצמו אף שללכם כל אחד ואחד לעצמו. אמרו לו והלא ממון עשרת השבטים מעורב בו אמר להם (שם) כמשק גבים שוקק בו

מגבת ועד אנטיפרס. מקומות שבסוף התחומים: אע"פ שאלף גפן באלף כסף. שהם יקרים שאין להם רוב כרמים אפי׳ הכי לשמיר ולשית יהיה שמניחין אותן לאיבוד ומכיירות אותן והיו עוסקין בתורה: (לשלול) [לבזוז] כל אחד ואחד לעצמו או בחלוק ביחד אותו ממון שנשאר מחיל סנחריב ל"א או לחלוק לאחרים מה שאנו שוללים אבל אנו אסורים באותו שלל שממון בבזוז מעשרת השבטים מעורב בו. ואיכא משום גזל: כמשק גבים שוקק בו:

די טויטֶע קֶערפֶּערס אוּנ מֶען וֶועט זֵיי מַאכִין פַאר קָארֶעטֶעס צוּ דִי בְּהֵמוֹת פוּן חִזְקִיָה מִיט זַיינֶע מֶענטשִׁין. עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אוּנ עֶס וֶועט זַיין אִין דֶעם טָאג וֶועט עֶר אָפּ טָאהן זַיין לַאסְט פוּן זַיין אַקְסִיל. זַיין יָאךְ וֶועט עֶר אָפּ טָאהן פוּן זַיין הַאלְדז. עֶס וֶועט פַאר דָארבִּין וֶוערִין דֶער יָאךְ פַאר דִיא פֶעטְס. רַבִּי יִצְחָק נַפְחָא זָאגְט דֶער פָּסוּק מֵיינְט עֶס וֶועט פַאר דָארבִּין וֶוערִין דֶער יָאךְ פוּן סַנְחֵרִיב פַאר דִיא פֶעטס [פַאר דִיא בּוֹמֶאייל] פוּן חִזְקִיָהוּ וָואס עֶר פְלֶעגְט בְּרֶענֶען אִין דִיא שׁוּהלֶען אוּנ אִין דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים. וָואס הָאט חִזְקִיָהוּ גִיטָאהן עֶר הָאט אַרַיין גִישְׁטֶעקְט אַשְׁוֶוערְד בַּיי דִיא טִיר פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּנ עֶר הָאט גִיזָאגְט דֶער וָואס וֶועט נִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה. זָאל עֶר גִישְׁטָאכִין וֶוערִין מִיט דֶעם שְׁוֶוערְד. מֶען הָאט גִיזוּכְט פוּן דָן בִּיז בְּאֵר שֶׁבַע אוּנ מֶען הָאט נִיט גִיפוּנֶען קֵיין עַם הָאָרֶץ. אוּנ מֶען הָאט גִיזוּכְט פוּן גַבַת בִּיז אַנְטִיפְּרַס אוּנ מֶען הָאט נִיט גִיפוּנֶען אַיוּנגֶעל אָדֶער אַמֵיידִיל אַמַאן אָדֶער אַוַוייבּ וָואס זָאלִין נִיט וִויסֶען דִי דִינִים פוּן טָמֵא אוּנ טָהוֹר. נָאר אַלֶע הָאבִין גִיוואוּסְט. אוּנ אוֹיף דֶעם דוֹר זָאגְט דֶער פָּסוּק אוּנ עֶס וֶועט זַיין אִין דֶעם טָאג וֶועט אַמֶענטשׁ דֶער נֶערִין אַקַאלְבּ מִיט צְווֵיי שֶׁעפְּסִין. אוּנ דָס וֶועט עֶר הָאבִּין גִינוּג צוּ זַיין פַּרְנָסָה. וַוייל קֵיינֶער וֶועט נִיט זוּכֶען פֶערְגֶענִיגוּנְס מֶען וֶועט נָאר לֶערְנֶען תּוֹרָה. נָאךְ זָאגְט דֶער פָּסוּק אוּנ עֶס וֶועט זַיין אִין דֶעם טָאג יֶעדֶער אָרְט וָואס דָארְט פְלֶעגְט זַיין טוֹיזֶענד וַויינְשְׁטָאקִין פַאר טוֹיזֶענד טָאלֶער וֶועט דָארְט זַיין דֶערְנֶער. אֲפִילוּ דִיא וַויין שְׁטָאקִין וֶועלִין דָארְטִין זַיין טַייֶער. אַז פַאר טוֹיזֶענד וַויין שְׁטָאקִין נֶעמְט מֶען טוֹיזֶענד טָאלֶער. פוּן דֶעסְט וֶועגִין וֶועט קֵיינֶער נִיט פְלַאנְצִין וַויין שְׁטָאקִין. נָאר דָארְט וֶועלִין וַואקְסִין דֶערְנֶער. וַוייל קֵיינֶער וֶועט זִיךְ נִיט וֶועלִין בַּשֶׁעפְטִיגֶען מִיט אַזֶעלְכֶע זַאכִין נָאר מִיט תּוֹרָה לֶערְנֶען: אִין פָּסוּק שְׁטֵייט אַייֶערֶע רוֹיבּ [וָואס אִיר וֶועט רוֹיבִּין פוּן סַנְחֵרִיב] וֶועלִין פַאר זַאמוּלְט וֶוערִין אַזוֹי וִוי דֶער אַיישֶׁערִיק פַארְזַאמוּלְט. דֶער נָבִיא הָאט גִיזָאגְט צוּ דִי יוּדִין פַאר זַאמוּלְט אַייֶערֶע רוֹיבּ. הָאבִּין דִיא יוּדִין גִיזָאגְט צוּם נָבִיא יֶעדֶער זָאל רוֹיבִּין פַאר זִיךְ. וִוי פִיל יֶעדֶער וֶועט קֶענֶען. אֵיינֶער מֶער אֵיינֶער וֶוינִיגֶער. אָדֶער מֶען וֶועט דֶער נָאךְ צוּ טֵיילֶען דִי רוֹיבּ צוּ אַלֶע יוּדִין גְלַייךְ. הָאט דֶער נָבִיא צוּ זֵייא גִיזָאגְט אַזוֹי וִויא דֶער אַיישֶׁערִיק פַארְזַאמוּלְט. אַזוֹי וִוי דֶער אַיישֶׁערִיק זַאמוּלְט דָאךְ יֶעדֶער פַאר זִיךְ. אַזוֹי אִיהר זָאלְט אוֹיךְ רוֹיבִּין יֶעדֶער פַאר זִיךְ. הָאבִּין דִי יוּדִין גִיזָאגְט צוּם נָבִיא אִין דִי רוֹיבּ פוּן סַנְחֵרִיב אִיז דָאךְ אַרַיין גֶעמִישְׁט דִיא גֶעלְט פוּן דִיא עֲשֶׂרֶת הַשְּׁבָטִים וֶועט דָאךְ דָאס זַיין גְזֵלָה. הָאט דֶער נָבִיא גִיזָאגְט צוּ דִי יוּדִין כְּמַשַׁק גֵבִים שׁוֹקֵק בּוֹ. דִי רוֹיבּ פוּן סַנְחֵרִיב אִיז אַזוֹי וִוי אַבְּרוּנֶען אַז אַמֶענְטשׁ וָואס אִיז טָמֵא גֵייט אַרַיין אִין אִיהם אוּנ אִיז זִיךְ טוֹבֵל גֵייט עֶר אַרוֹיס טָהוֹר. אַזוֹי דִי גֶעלְט פוּן אַיוּדִין אַז עֶס פַאלְט אַרַיין צוּ אַגוֹי אִין

בו מה גבים הללו מעלין את האדם מטומאה לטהרה אף מטונם של ישראל כיון שנפל ביד העכו"ם מיד טיהר:

כח אמר רב הונא עשר מסעות נסע אותו רשע באותו היום שנאמר (ישעיה י) בא על עית עבר במגרון למכמש יפקיד כליו עברו מעברה גבע מלון לנו הרדה הרמה גבעת שאול נסה צהלי קולך בת גלים הקשיבי לישה עניה ענתות נדדה מדמנה יושבי הגבים העיזו (עוד היום בנוב לעמוד וגו') הני טובא הויין צהלי קולך בת גלים נביא הוא דקאמר להו לכנסת ישראל צהלי קולך בת גלים בתו של אברהם יצחק ויעקב שעשו מצות לפני כגלי הים. הקשיבי לישה מהאי לא תסתפי אלא אסתפי מנבוכדנאצר הרשע דמתיל כאריה שנאמר (ירמיה ד) עלה אריה מסבכו מאי (דף צה) עניה ענתות עתיד ירמיה בן חלקיה מענתות דמתנבי עלך דכתיב (שם א) דברי ירמיהו בן חלקיה מן הכהנים אשר בענתות מי דמי התם אריה הכא לישה א"ר יוחנן ששה שמות (יש) לארי אלו הם (בראשית מט) ארי (שופטים יד) כפיר (בראשית מט) לביא (ישעיה ל) ליש (תהלים צא) שחל שחץ

פירוש: השקאה של נינורות שמקלחין מהם מים מגבעי הרקי באותו ממין וטיברתו דמה לינורות הללו מעלין את האדם מטומאה לטהרה ע"י טבילה אף מטונם כו': בא על עית וגו'. ומתרגמין ומני רבני משרייתיה: עברו מעברה וגו'. ולא קא חשיב עוד היום בנוב לעמוד דההוא לא מסע הוא אלא כדאמרינן לקמן אותו היום נשתייר מעונה של נוב: הני טובא הוו. די"ב הוא דאיכא: נביא הוא. קרא דצהלי קולך בת גלים הקשיבי לישה דחשיבנא ביה תלתא בת גלים לישה ענתות איננו לאו מחושבנא נינהו דנביא הוא דקאמר להו לישראל: מהאי לא תספי. שתגאל מידו היינו דכתיב צהלי קולך: אלא איספי מנבוכדנצר. שנמשל לליש דכתיב ביה עלה אריה מסבכו והיינו דקאמר הקשיבי לישה: עניה ענתות. כלומר נבואות ירמיה הענתותי [היא] שעתידה לבא על נ"נ שתמסר ירושלים בידו: אריה כפיר וכו'. בהוכחה אחריתי מפורש נמה נקרא לו כל השמות

דִי הֶענְט וֶוער גוֹי הָאט גִירוֹיבְּט דָאס גֶעלְט פוּן אַיוּדְן מֶעג קוּמֶען אַיין אַנְדֶער יוּד אוּנ אַוֶועק נֶעמֶען דָאס יוּדִישֶׁע גֶעלְט פוּן גוֹי אוּנ זַיי נֶעמֶען פַאר זִיךְ. וַוייל דֶער גִירוֹיבְּטֶער יוּד הָאט שׁוֹין זַיין גֶעלְט מַפְקִיר גִיוֶוען:

כח אָמַר. רב הוּנָא הָאט גִיזָאגְט אַזוֹי אַשְׁטִיק וֶועג וָואס מֶען הָט גִידַארְפְט גֵיין אִין צֶעהְן טֶעג. הָאט דֶער רָשָׁע סַנְחֶרִיב גִיצוֹיגְן אִין אֵיין טָאג. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עֶר אִיז גִיקוּמֶען אוֹיף עַיָת. עֶר אִיז דוּרְךְ גִינַאנְגֶען מִגְרוֹן. אִין מִכְמָשׁ הָאט עֶר בֶּעהַאלְטִין זַיינֶע כֵּלִים. זַייא זֶענֶען אַרִיבֶּער גִיגַאנְגֶען מַעְבָּרָה. אִין גֶבַע וֶועט זַיין פַאר אוּנְז אַאָרְט צוּם נֶעכְטִיגֶען. דִיא מֶענְטְשִׁין פוּן הָרָמָה הָאבְּען גֶעצִיטֶערְט. דִיא מֶענְטְשִׁין פוּן גִבְעַת שָׁאוּל זֶענֶען אַנְטְלָאפְן. בַּת גַלִים הֵייבּ אוֹיף דַיין קוֹל צוּם שְׁרַייֶען. פַאר נֶעם לַיְשָׁה. דִיא אָרֶעמֶע עֲנָתוֹת. מַדְמֵנָה אִיז פַאר וָואגִילְט גִיוָוארִין. דִיא זִיצֶער פוּן גֵבִים הָאבֶּען זִיךְ פַאר זַאמוּלְט. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא אִיז דָאךְ שׁוֹין מֶער וִויא צֶעהְן שְׁטֶעט עַיָת. מִגְרוֹן. מִכְמָשׁ. מַעְבָּרָה. גֶבַע. הָרָמָה. גִבְעַת שָׁאוּל. בַּת גַלִים. לַיְשָׁה. עֲנָתוֹת. מַדְמֵנָה. גֵבִים אִיז דָאךְ צְוֶועלְף שְׁטֶעט) עֶנְפֶערְט דִיא גְמָרָא בַּת גַלִים לַיְשָׁה עֲנָתוֹת זֶענֶען נִיט דִיא נֶעמֶען פוּן דִיא שְׁטֶעט וָואס סַנְחֶרִיב אִיז דוּרְךְ גִיגַאנְגֶען. נָאר דָם זָאגְט דֶער נָבִיא צוּ דִיא יוּדִין. בַּת גַלִים הֵייבּ אוֹיף דַיין קוֹל. אִיר יוּדִין וָואס אִיר זֶענְט דִי טָאכְטֶער פוּן אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב וָואס זַייא הָאבֶּען גִיטָאהְן פַאר מִיר מִצְוֹת אַזוֹי פִיל וִויא דִי אִינְדֶען (דִיא וַואלֶען) פוּן יַם. הֵייבְּט אוֹיף אַייעֶר קוֹל מִיט פְרֵייד. פַאר נֶעם לַיְשָׁה. פַאר סַנְחֶרִיב זָאלְט אִיר נִיט מוֹרָא הָאבֶּען. וַוייל פוּן אִים וֶועט אִיר גִיהָאלְפֶען וֶוערִין. נָאר זָאלְסְט מוֹרָא הָאבֶּען פַאר דֶעם רָשָׁע נְבוּכַדְנֶצַר וָואס עֶר אִיז גֶעגְלִיכֶען צוּ אַאַרְיֵה (צוּ אַלֵייבּ). אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עָלָה אַרְיֵה מִסֻּבְּכוֹ. דֶער לֵייבּ אִיז אוֹיף גִיגַאנְגֶען פוּן זַיין בַּיידִיל וָואס מֵיינְט מֶען עֲנִיָה עֲנָתוֹת. דֶער נָבִיא יִרְמְיָה בֶּן חִלְקִיָה וָואס עֶר אִיז פוּן עֲנָתוֹת וֶועט אוֹיף דִיר נְבִיאוֹת זָאגִין אַז דוּא וֶועסְט אַרַיין פַאלֶען אִין דִיא הֶענְט פוּן נְבוּכַדְנֶצַר. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דָם אִיז דִיא רֵייד פוּן יִרְמְיָה בֶּן חִלְקִיָה וָואס עֶר אִיז פוּן דִיא כֹּהֲנִים וָואס אִין עֲנָתוֹת. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא עֶס אִיז דָאךְ נִיט גְלֵייךְ נְבוּכַדְנֶצַר וֶוערְט גִירוּפֶען אַרְיֵה. אוּנ דָא שְׁטֵייט לַיְשָׁה. עֶנְפֶערְט דִיא גְמָרָא רַבִּי יוֹחָנָן הָאט גִזָאגְט אַלֵייבּ הָאט זֶעקְס נֶעמֶען. אֲרִי כְּפִיר לָבִיא לַיִשׁ שַׁחַל

(איוב כח) שחץ אי הכי בצרי להו עברו מעברה תרתי נינהו. מאי (ישעיה י) עוד היום בנוב לעמוד א"ר הונא אותו היום נשתייר מעונה של נוב אמרו ליה כלדאי אי אזלת האידנא יכלת לה ואי לא לא יכלת לה אורחא דבעא לסגויי בעשרה יומי סגא בחד יומא כי מטו לירושלים שדו ליה ביסתרקי עד דסליק ויתיב מעלוי שורא עד דחזייה לכולה ירושלים כי חזייה אדזוטר בעיניה אמר הלא דא היא קרתא דירושלם דעלה ארגשית כל משריתי ועלה כבשית כל מדינתי הלא היא זעירא וחלשא מכל כרכי עממיא דכבשית בתקוף ידי עלה קם מניד ברישיה מוביל ומייתי בידיה על טור בית מקדשא דבציון ועל עזרתא דבירושלים אמרי ליה נשדי בה ידא האידנא אמר להו תמהיתו (דאתיתו מאורחא) למחר אייתו לי כל חד וחד מנייכו גולמיה הרג מינה מיר (מ"ב יט) ויהי בלילה ההוא ויצא מלאך ה' ויך במחנה אשור וגו' וישכימו בבקר והנה כלם פגרים מתים א"ר פפא

הלנו: א"ס. דכוליה קרא אהלי קולך לאו ממושבא' כזה א"כ ליכא אלא ט' מסעות דהא עוד היום לאו מתושבנא נמי הוא. ומתרץ עברו מעברה תרתי נינהו. עברו חד מעברה חד והיינו עשר מסעות: אותו היום נשתייר מעונה של נוב. דמפני עון שהיה להם לישראל על שנהרגו כהני נוב קבע הקב"ה העונש עד אותו היום ואותו יום בלבד נשתייר מזמן העונש ואילו היה נלחם בירושלים אותו היום היה כובשה הכי משמע קרא עוד היום אותו יום העמידו לסנחריב על ירושלים בעון נוב: סגא בחד יומא. והיינו י' מסעות שנסע אותו היום: שדו ליה. לסנחריב: ביסתרקי תחתיו טפט"י בלע"ז עד שראה ירושלים כולה: עלה קם ומניד ברישיה. עליה עמד והיה מניד בראשיה: נישדי ביה ידא האידנא. נלחם בה עתה (האידנא): תמהיתו. תימא הוא להתחיל היום משום חולשא דאורחא לוא תמהיתו נתייגעתם: גולמיה הרג. חתיכה של חומה לבון

שחץ שחץ. פרעגט דיא גמרא אז דוא נעמסט אראפ בת גלים אונ לישה אונ ענתות. בלייבט דאך נאר ניין שטעט. ענטפערט דיא גמרא עברו מעברה איז צוויי שטעט. וואס מיינט דער פסוק עוד היום בנוב לעמוד. רב הונא זאגט דער טאג איז געבליבען פון דיא זינד פון נוב וואס שאול האט גיהרגת דיא כהנים פון נוב האט גאט אויס גירעכנט וויא פיל טעג יודין זאלין גישטראפט ווערין. איז נאך גיווען איין טאג גישטראפט צו ווערין האבען דיא שטערין זעהער גזאגט צו סנחריב אויב דוא וועסט גיין היינטיגען טאג וועסטו קענען איין נעמען ירושלים. אונ אויב נישט היינט. וועסטו ניט קענען איין נעמען ירושלים ודאס מיינט דר פסיק עוד היום בנוב לעמוד. נאך דעם היינטיגען טאג האט צו שטיין דיא זינד פון נוב. דעם וועג וואס ער הט גידארפט גיין צעהן טאג. איז ער גיגאנגען אין איין טאג. אז סנחריב מיט זיינע מענטשין זענען גיקומען צו ירושלים האט מען גילייגט נעבין דיא מאהער אזוי פיל בעטגיוואנט ביז סנחריב איז ארויף גיגאנגען אונ האט זיך גיזעצט אויף דיא מאהער ביז ער האט גיקענט זעהן גאנץ ירושלים. וויא ער האט גיזעהן ירושלים איז זיא גאנץ קליין גיווען אין זיינע אויגין. האט ער גזאגט דאס איז דיא שטאט ירושלים וואס אויף איר האב איך גיברייננט מיין גאנצע מחנה. אונ פון וועגין איר האב איך איין גינומען מיינע אלע מדינות. זיא איז דאך קלענער אונ שוואכער פון אלע שטעט פון דיא פעלקער וואס איך האב איין גינומען מיט דיא שטארקייט פון מיין האנט. ער האט זיך גישטעלט אויף דיא מאהער פון ירושלים אונ האט גישאקילט מיט דעם קאפ אונ ער האט גימאכט מיט דיא האנט אויף דעם בית המקדש וואס אין ציון אונ אויף דיא עזרות פון ירושלים: האבען זיינע מענטשין גזאגט צו אים מיר וועלין שוין מלחמה האלטין מיט דיא שטאט ירושלים. האט סנחריב צו זייא גזאגט עס וואונדערט מיך וואס איר ווילט היינט מלחמה האלטען איר זענט דאך אפ גימאטערט פון וועג. אויף מארגין וועט יעדער פון אייך ברייננגען א שטיק מאהער אין האנט. באלד אין דיא זעלביגע נאכט איז ארויס גיגאנגען א מלאך פון גאט אונ האט גישלאגן אין דיא מחנה פון אשור אונ אין דער פריה זענען אלע גילעגין טויט. רב פפא זאגט דאס איז וואס מענטשין זאגין אז דיא קריג געכטיגט איבער ווערט דיא קריג בטל. אז צוויי מענטשין זענען גיוועז אין כעס אונ האבען זיך גיוואלט קריגען. אז עס איז נאר אריבער גיגאנגען דער טאג אונ דיא נאכט אונ זייא האבען זיך ניט געקריגט. מארגין וועלין זייא זיך שוין ניט קריגען דר כעס איז שון איבר גיגאנגען. ביי סנחריב איז אויך אזוי

פפא היינו דאמרי אינשי בת דינא בטל דינא:
(ש"ב כא) **כט וישבי** בנוב אשר בילידי הרפה ומשקל קינו וגומר [ויאמר להכות את דוד] מאי וישבי בנוב א"ר יהודה אמר רב איש שבא על עסקי נוב א"ל הקב"ה לדוד עד מתי היה עון זה טמון בידך על ידך נהרג נוב עיר הכהנים ועל ידך נטרד דואג האדומי ועל ידך נהרג שאול ושלשת בניו רצונך יכלה זרעך או תמסר ביד אויב אמר לפניו רבש"ע מוטב אמסר ביד אויב ולא יכלה זרעי יומא חד נפק לשבר בזאי אתא שטן ואדמי ליה כטביא פתק ביה גירא ולא מטייה משכיה עד דאמטייה לארץ פלשתים כדחזייה ישבי בנוב אמר היינו האי דקטליה לגלית אחי כפתיה קמטיה ואותביה תותי בי סדיא אתעביד ליה ניסא מכא ליה ארעא מתותיה היינו דכתיב (תהלים יח) הרחיב צעדי תחתי ולא מעדו קרסולי ההוא יומא אפניא דמעלי שבתא הוה אבישי בן צרויה חיף רישיה בד' גרבי דמיא חזינהו כתמי דמא א"ד אתא יונה איטריף קמיה אמר כנסת ישראל כיונה

פירוש

פרסי אבן רעוטה מן התויה ונכקעת: בת דינא בטל דינא. כיון שאין דינא בטל הריב וכן מפני שנאה נכנסה בו ביום לא הגליה ממחרת:
וישבי בנוב] איידי דאיירי לעיל באותו יום הכתיב מעונה של נוב נקט הכא וישבי בנוב שבא על עסקי נוב: הרפה. היינו ערפה: משקל קינו. מתרגמינן מתקל סופיניה: נטרד דואג האדומי. שסיפר לה"ר על דוד שהקנאה בו שאול ולפי שקבל אחימלך את דוד בנוב א"ל שאול סוב ופגע בכהני ה' נמצא שעל ידך נהרגו ואתה נכשל ובחטא זה נהרג שאול ושלשת בניו במלחמת פלשתים: שבר בזאי. לשון פרסי קריט"א. לשון כפי הוא: קמטיה. הכניסו תחת הבגד של זיתים ויתיב עלה למעכו: מכה ליה ארעא מתותיה. נתרככה הארץ מתחתיו ולא הזיקו. ל"א מכא ליה. כפלה קרקע כעין גומא והיתה מגינה עליו: בד' גרויי. בד' כאין של מים ל"א בד' גריוי בירה

געוועזן. אז ער האט גאר ניט מלחמה געהאלטען היינט. האט שוין אויף געהערט זיין גליק:

כט וישבי. ישבי אין נוב וואס ער איז פון די קינדער פון הרפה ודאס איז ערפה די שוועגערין פון רות. און זיין שווערד האט געוואוגין דריי הונדערט קופערנע טאלערס און ער הט געזאגט צו שלאגין דוד המלך. וואס מיינט מען ישבי אין נוב. האט רב יהודה געזאגט פון רבס וועגין ישבי איז געקומען וועגין די עבירה פון נוב וויא עס שטייט אין סימן כחו. גאט האט געזאגט צו דוד ביז וויא לאנג וועט זיין די עבירה בעהאלטין אין דיר און דוא וועסט ניט תשובה טאהן אויף איר. דורך דיר זענען געהרגת געווארין די כהנים פון די שטאט נוב. און דורך דיר איז דואג האדומי פאר טריבען געווארין פון עולם הבא: און דורך דיר איז נהרגת געווארין שאול מיט זיינע דרייא זיהן. קלויב דיר אויס וואס דוא ווילסט בעסער. אדער דיינע קינדער זאלין פאר לענדט ווערין. אדער דוא זאלסט פאלען אין די הענט פון דיינע פיינד. האט דוד געזאגט פאר גאט רבונו של עולם איך וויל בעסער פאלען אין די הענט פון מיין פיינד נאר מיינע קינדער זאלין ניט פאר לענדט ווערין. אמאהל איז דוד ארויס געגאנגען אין דעם דארף שבר בזאי. איז געקומען דער שטן און האט זיך פאר שטעלט פאר א הערש. האט דוד אויף אים געווארפען א פייל. און די פייל האט איהם ניט געטראפען. און דער הערש איז אלע מאהל געלאפען ווייטער און דוד האט איהם נאך געיאגט. און דער הערש האט איהם פאר צויגען ביז ער האט איהם געברענגט אין לאנד פלשתים. וויא ישבי אין נוב האט דער זעהן דוד המלך איז דא. האט ישבי געזאגט אויף דוד דאס איז דאך דער דוד וואס האט געהרגת מיין ברודער גלית. האט ישבי געבונדען הודן: און האט איהם געלייגט א אונטער אברעט וואס מען קוועטשט מיט איר די איילבירטען. און ער האט זיך געזעצט אויף די ברעט ער זאל דודן צו קוועטשין: איז איהם געטאהן געווארין א נס די ערד וואס אונטער איהם איז ווייך געווארין. איז ער אריין געקוועטשט געווארין אין די ערד. און עס האט איהם גאר ניט געשאדט. דאס איז וואס עס שטייט אין פסוק דוא האסט דער ברייטערט מיינע טריט אונטער מיר און מיינע קנעכיל האבן זיך נישט אויס געגליטשט. דער טאג איז געוועזן ערב שבת. און אבישי בן צרויה הט געקעמט דעם קאפ און האט זיך געוואשען אין פיר בעקינס וואסער. האט ער געזעהן אין די וואסער פלעקין בלוט. אנדערע זאגן א טאהב איז געקומען צו פליהען און האט זיך געשטעלט נעבין אבישי

ביונה אמתילא שנא' (שם סח) כנפי יונה נחפה בכסף ש"מ דוד מלכא דישראל בצערא שרי אתא לביתיה ילא אשכחיה (שדר לבי מדרשא ולא אשכחיה) אמר תנן אין רוכבין על סוסו ואין יושבין על כסאו ואין משתמשין בשרביטו בשעת הסכנה. מאי אתא שאל בי מדרשא אמרו ליה בשעת הסכנה שפיר דמי רכביה לפרידיה וקם ואזל קפצה ליה ארעא בהדי דקא מסגי חזייה לערפה אימיה דהות נוולא כי הזיתיה פסקתיה לפילכא שדיתיה עלויה סברה למקטליה אמרה ליה עלם אייתי לי פלך פתקיה בריש מוחה וקטלה כד חזייה ישבי בנוב אמר השתא הוו בי תרין וקטלי לי פתקיה לדוד לעילאי ודץ ליה לרומחיה אמר ניפול עליה ונקטול אמר אבישי שם אוקמיה לדוד בין שמיא לארעא ונימא ליה איהו אין חבוש מוציא את עצמו מבית האסורים אמר ליה מאי בעית הכא אמר ליה הכי אמר לי קודשא בריך הוא והכי אהדרי ליה. א"ל אפיך צלותך

דומה כל' בזרוע של מים: איפליג קמיה. שהיא טורפת ומתכסת עצמה ומורטת כנפה ומזמנת ומלערת: קפלה ליה ארעא. כמו לא תקפוץ ונתקצרה הארץ והגיע מהרה לארץ פלשתים: לערפה אמיה. דישבי: נוולה. טווה: כד חזיתיה. ערפה לאבישי סברה למקטליה באותו פלך שהיה בידה ולא פגעה בו: אמרה ליה. לאבישי אייתי לי ההוא פלך דנפל לפניך: ה"ג. פתקיה בריש מוחה וקטלה. השליך אבישי הפלך לראשה ומתה: פתקיה לדוד לעילאי. זרקו כלפי מעלה: ודץ ליה. נעץ התחתיו חניתו בקרקע כדי שיפול עליו וימות: ונימא איהו. דוד עצמו לימא שם: אין חבוש מוציא עצמו. אין דעתו מכוונת עליו לומר השם והשתא ניפול דוד והשליכו השם ברחוב והלכו אבישי ודוד וחזרו לשם: א"ל. אבישי לדוד. מאי בעית הכא. למה באת כאן: א"ל. הקב"ה אמר לי רצונך שיכלה זרעך או תמסר ביד אויבך ואהדרי ליה מוטב שאפול ביד אויבי: א"ל אפיך צלותך. הפוך תפלתך ואמור לפניו מוטב

אונ זיא הָאט זִיךְ גִישְׁלָאגֶען אונ הָאט אוים גֶערִיסֶען אִירֶע פֶעדֶערִין אונ הָאט גִיבְּרוּמְט אונ גִיקְרָאגְט. הָאט אֲבִישַׁי גִזָאגְט דִיא יוּדִין זֶענֶען גֶעגְלִיכֶען צוּ אַטָאהבּ. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִיא פְלִיגוּל פוּן דִיא טָאהבּ אִיז בַּדֶעקְט מִיט זִילְבֶּער (אַזוֹי דִיא יוּדִין זֶענֶען אוֹיךְ בַּדֶעקְט מִיט תּוֹרָה אונ מִצְוֹת). גֶעוִויס מוּז זַיין אַז דָוִד דֶער מֶלֶךְ פוּן דִיא יוּדִין אִיז אִין צַעַר. אִיז אֲבִישַׁי גִיקוּמֶען צוּ דָוִד אַהֵיים אונ הָאט אִיהם נִיט גִיטְרָאפֶען. אונ עֶר הָאט אִיהם גֶעשִׁיקְט זוּכֶען אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ. אונ מֶען הָאט אִיהם נִיט גִיטְרָאפֶען. הָאט אֲבִישַׁי גִזָאגְט מִיר הָאבֶען גִילֶערוּנְט מֶען טָאר נִיט רַייטֶען אוֹיף דֶעם פֶערְד פוּן מֶלֶךְ. אונ מֶען טָאר נִיט זִיצֶען אוֹיף דִיא שְׁטוּהל פוּן מֶלֶךְ אונ מֶען טָאר נִיט נִיצֶען מִיט דִיא רוּט פוּן מֶלֶךְ וֶוען עֶס אִיז אַסַכָּנָה מֶעג מֶען אָדֶער נִיין. אִיז אֲבִישַׁי גִיקוּמֶען אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אונ הָאט גִיפְרֶעגְט. הָאט מֶען גִזָאגְט צוּ אִים וֶוען עֶס אִיז אַסַכָּנָה מֶעג מֶען. הָאט אֲבִישַׁי זִיךְ גִיזֶעצְט רַייטֶען אוֹיף דֶעם אֵייזִיל פוּן דָוִד. אונ דֶער אֵייזִיל הָאט אָן גִיהוֹיבֶּען צוּ גֵיין: אַזוֹי וִויא דֶער אֵייזִיל אִיז גִילָאפֶען אִיז דִיא עֶרְד אַלֶע מָאהל קִירְצֶער גִיוָוארִין דוּרְךְ אַנֵס. אונ עֶר אִיז גֶעשְׁווִינְט גִיקוּמֶען אִין דִיא לַאנְד פְּלִשְׁתִּים. הָאט אֲבִישַׁי דֶער זֶעהן עָרְפָּה דִיא מוּטֶעד פוּן יִשְׁבִּי זִיא שְׁפִּינְט. וִויא עָרְפָּה הָאט דֶער זֶעהן דֶעם אֲבִישַׁי הָאט זִיא אִיבֶּער גִיהַאקְט דֶעם פָאדֶים אונ הָאט גִינוּמֶען דָאס שְׁפִּינְדוּל אונ הָאט גִיוָוארְפֶען אוֹיף אֲבִישַׁי אונ זִיא הָאט אִיהם גִיוָואלְט הַרְגֶענֶען. דָאס שְׁפִּינְדִיל אִיז אָבֶּער נִיט גִיפַאלֶען אוֹיף אֲבִישַׁי. נָאר נֶעבֶּין אֲבִישַׁי הָאט עָרְפָּה גִזָאגְט צוּא אֲבִישַׁי יוּנְגֶער מַאן גִיבּ מִיר דָאס שְׁפִּינְדוּל וָואס לִיגְט נֶעבֶּין דִיר: הָאט אֲבִישַׁי אַוָוארְף גִיטָאהן דָאס שְׁפִּינְדוּל אוֹיף עָרְפָּהס קָאפּ אונ הָאט אִיר גִיהַרְגֶעת. וִויא יִשְׁבִּי פוּן נוֹב הָאט גִיזֶעהן אַז אֲבִישַׁי אִיז דָא. הָאט יִשְׁבִּי גִיזָאגְט אִיצְט זֶענֶען זִייא שׁוֹין צְווֵייא (אֲבִישַׁי אונ דָוִד) וֶועלִין זֵייא מִיךְ הַרְגֶענֶען. הָאט יִשְׁבִּי אַוָוארְף גִיטָאהן דָוִדן אִין דֶער הֵייךְ. אונ יִשְׁבִּי הָאט אַרַיין גִישְׁטֶעקְט זַיין שְׁפִּיז אִין דער עֶרְד. הָאט יִשְׁבִּי גִזָאגְט דָוִד וֶועט אַרָאפּ פַאלֶען אוֹיף דֶעם שְׁפִּיז אונ וֶועט גִיהַרְגֶעת וֶוערִין הָאט אֲבִישַׁי גִזָאגְט דֶעם שֵׁם הַמְפוֹרָשׁ אִיז דָוִד גֶעבְּלִיבֶּען אִין דִיא הֵייךְ צְווִישֶׁען הִימֶעל אונ עֶרְד. אונ אִיז נִיט אַרָאפּ גִיפַאלֶען. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא פַאר וָואס הָאט דָוִד אַלֵיין נִיט גִזָאגְט דֶעם שֵׁם הַמְפוֹרָשׁ. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא דֶער גִיבּוּנְדֶענֶער קֶען נִיט זִיךְ אַלֵיין אוֹיף בִּינְדֶען עֶר זָאל אַרוֹים גֵיין פוּן גִיפֶיינְקְנִים: הָאט אֲבִישַׁי גִזָאגְט צוּא דָוִד וִויא אַזוֹי קוּמְסְטוּ אַהֶער. הָאט דָוִד גִזָאגְט צוּא אֲבִישַׁי אַזוֹי הָאט גָאט גִזָאגְט צוּא מִיר (אוֹיבּ אִיךְ וִויל מַיינֶע קִינְדֶער זָאלֶען פַאר לֶענְדְט וֶוערִין. אָדֶער אִיךְ זָאל פַאלֶען צוּא מַיין פַיינְד אִין דִי הֶענְט.

צלותך בר ברך קירא ליזבין ואת לא תצטער א"ל אי הכי סייע בהדן היינו דכתיב (ש"ב כא) ויעזר לו אבישי בן צרויה אמר רב יהודה אמר רב שעזרו בתפלה אמר אבישי שם ואחתיה הוה קא רדף בתרייהו כי מטו קובי אמרי קום ביה כי מטו בי תרי אמ"י בתרי גוריון קטליה לאריא אמרי ליה זיל אשכח לערפה אמך בקברה כי אדכרו ליה שמא דאימיה כחש חיליה קטליה היינו דכתיב (שם) אז נשבעו אנשי דוד לו לאמר לא תצא אתנו ולא תכבה את נר ישראל:

בלא זרעך ולא תמסר ביד אויב דמה לך בלטער בניך: בר ברך קירא ליזבן ולא לא תצטער. משל הוא אומרים בני אדם בר ברך בשיה ימכור ולאחר לא תצטער: סייע בהדן. עזור בתפלה לנפשו: והוה קא רדיף בתרייהו. וכן בורחין שניה קרוב לארץ פלשתים: כי מטו קובי. לאותו כפר בשמו קובי בבין א"י לארץ פלשתים: אמרי קום ביה. אמרו זה לזה עמוד כנגדו ולא נכרה ונכנו אלך וקרא קובי אותו הוו בדקי במות הכפרים ועדיין היו מפחידין ומזהרן: כי מטו בי תרי. שם מקום: אמרי בתרי גוריון. בתמיה: נקנוס. בהנגמה.

ת"ר שלשה קפצה להם הארץ אליעזר עבד אברהם יעקב אבינו ואבישי בן צרויה. אבישי בן צרויה הא דאמרן. אליעזר עבד אברהם דכתיב (בראשית כד) ואבא היום אל העין למימרא דההוא יומא נפק. יעקב אבינו (ע"ג) דכתיב (בראשית כח) ויצא יעקב מבאר

אונ אזוי האב איך גיענטפערט [איך וויל בעסער איך זאל פאלען צוא מיין פיינד אין די הענט, נאר מיינע קינדער זאלען ניט פאר לענדט ווערין]. האט אבישי גזאגט צו דוד בעט פאר קערט: בעסער זאלין דיינע קינדער פאר לענדט ווערין. אונ דוא זאלסט ניט פאלען אין דיא הענט פון דיין פיינד. ווארום וואס הארט דיך פאר דיינע קינדער. מען זאגט אמשל זאל דיין איניקיל וואקס פאר קויפען. נאר דוא זאלסט קיין צער ניט האבען. האט דוד גזאגט צו אבישי. אויב אזוי העלף מיר צו בעטין ביי גאט דער שטראף זאל גיענדערט ווערין. עס זאל אראפ גינומען ווערין פון מיר אונ ארויף גיגעבען ווערין אויף מיינע קינדער. דאס איז וואס עס שטייט אין פסוק אבישי בן צרויה האט גיהאלפען צו דוד. האט רב יהודה גזאגט פון רבס וועגין ער האט איהם גיהאלפען צו בעטין ביי גאט. דער נאך האט אבישי נאך אמאהל גזאגט דעם שם המפורש אונ דוד האט אראפ גענידערט אויף דער ערד. האט ישבי געיאגט נאך דוד אונ אבישי. אז זייא זענען גיקומען צום דארף וואס הייסט קובי. האבען זייא גזאגט מיר וועלין דא שטיין געגין ישבי אונ מיר וועלין איהם שלאגין: זייא האבען אבער מורא גיהאט פאר אים ווענען זייא ווייטער גילאפען. אז זייא זענען גיקומען צום ארט וואס הייסט בי תרי: האבען זיי גזאגט וועלכע דען קענען צוויי יונגע לייבין הרגנן דעם אלטען לייב. וועלין מיר דען קענען הרגנן דעם ישבי. דער וייל האבען זייא גזאגט צו ישבי גיי ווערסט געפינען דיין מוטער ערפה אין קבר. מיר האבען איר שוין גיהרגת. וויא זייא האבען איהם דער מאנט דעם נאמען פון זיין מוטער. אז זיא איז גישטארבען. איז ער שוואך גיווארין אונ זייא האבען איהם גיהרגת. דאס איז וואס עס שטייט אין פסוק דאמאלס האבען די מענטשין פון דוד גישווארין צו דוד דו זאלסט שוין ניט ארויס גיין מיט אונז ודו זאלסט שוין זיין נאר אין דער היים אונ דוא זאלסט ניט פער לעשין דעם ליכט פון די יודין:

ת"ר תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט צו דריי מענטשין איז גיטאהן גיווארין דער נס אז דיא ערד איז פאר קירצט גיווארין פון זייערט וועגין. צו אליעזר דער קנעכט פון אברהם. אונ צו יעקב אבינו: אונ צו אבישי בן צרויה. צו אבישי בן צרויה אזוי וויא פריער שטייט. צו אליעזר דער קנעכט פון אברהם. ווארום עס שטייט אין פסוק אליעזר האט גזאגט היינט בין איך גיקומען צום קוואל. צו וואס דארף ער דער ציילען ווען ער איז גיקומען צום קוואל. נאר ער מיינט היינט בין איך ארויס גיגאנגען פון אברהם אונ היינט בין איך גיקומען אין חרן. ווערין זייא וויסען אז צו אים איז גיטאהן גיווארין א נס דיא ערד איז פאר קירצט גיווארין. צו יעקב אבינו אזוי וויא עס שטייט אין פסוק יעקב איז ארויס גיגאנגען פון באר שבע אונ האט בגעגינט דעם ארט [אזוי וויא עס שטייט אין דער מסכת חולין פרק גיד הנשה]. אונ פון

מבאר שבע גו' ויפגע במקום וגומר כי כמו כו' ומנ"ל דכלה זרעיה דדוד דכתיב (מ"ב יא) ועתליה אם אחזיה ראתה כי מת בנה ותקם ותאבד את כל זרע הממלכה הא אשתייר לה יואש התם נמי אשתייר אביתר דכתיב (ש"א כב) וימלט בן אחד לאחימלך בן אחיטוב ושמו אביתר . א"ר יהודה אמר רב אלמלא נשתייר אביתר לאחימלך בן אחיטוב לא נשתייר מזרעו של דוד שריד ופליט :

ומנא לן דכלא זרעיה של דוד . כדאפיך אנשים : התם נמי אשתייר אביתר. מכהני נב : שגלונות . מלכות : על אברהם . כשנלחם בד' מלכים : בעי אביי . האי חסר חד היכי קאמר אי חסר חד רבוא וכו' : ראשונה . כת ראשונה מחייליו של סנהריב : עברו בשחי . שטו הסוסים בירדן ונתמעטו המים עד שעברו : האמצעיים בקומה . זקופה ולא היו המים מגיעים אלא עד הצואר : שחי . כמו שחו : שטנו שפר

לא אמר רב יהודה אמר רב בא עליהם סנחריב במ"ה אלף איש בני מלכים ויושבים בקרונות של זהב ועמהם שגלונות וזונות ובשמונים אלף גבורים לבושי שריון קליפה וששים אלף אחוזי חרב רצים לפניו והשאר פרשים וכן באו על אברהם וכן עתידין לבא עם גוג ומגוג במתניתא תנא אורך מחנהו ת' פרסה רוחב צואר סוסיו ארבעים פרסה סך מחנהו ר' וששים רבוא אלפין חסר חד בעא אביי חסר [חד רבוא או חסר חד] אלפא או חסר מאה או חסר הד תיקו תנא ראשונה עברו בשחי (שטו ועברו) שנאמר (ישעיה ח) וחלף ביהודה שטף ועבר אמצעיים עברו בקומה שנאמר (שם) עד צואר יגיע אחרונים העלו

וואגען ווייסען מיר אז דיא קינדער פון דוד זענען פאר לענדט געווארין . ווארום עס שטייט אין פסוק עתליה דיא מוטער פון אחזיה האט געזעהן אז איהר זוהן איז געשטארבען איז זיא אויף געשטאנען אונ האט פאר לענדט אלע קעניגליכע קינדער . פרעגט דיא גמרא יואש איז דאך געבליבען . ענטפערט דיא גמרא פון דיא כהנים פון נוב איז אויך איינער געבליבען . דאס איז אביתר . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איין זוהן פון אחימלך בן אחיטוב איז אנטרונען געווארין . זיין נאמען איז אביתר . רב יהודה האט געזאגט פון רבס וועגין ווען אביתר דער זוהן פון אחימלך בן אחיטוב וואלט ניט געבליבען . וואלט פון דודס קינדער גאר ניט געבליבען איינער אויך ניט :

לא אמר . רב יהודה האט געזאגט פון רבס וועגין סנחריב איז געקומען אויף ירושלים מיט פינף אונ פערציג טויזענד מענטשין וואס זענען אלע געוועזען קיניגליכע קינדער . אונ זענען געזעסין אין גאלדענע וועגין . אונ יעדער האט מיט זיך געהאט זיין מלכה אונ זונות . אונ נאך אכציג טויזענד שטארקע מענטשין געקליידט אין פאנצירען . אונ נאך זעכציג טויזענד מענטשין וואס האבין געהאלטין שווערדין אין דיא הענט זענען געלאפין פאר איהם . אונ דיא איבעריגע מענטשין זענען געוועזען רייטער . אונ אזוי פיל מענטשין זענען געקומען מלחמה האלטין מיט אברהם אבינו ווען ער האט מלחמה געהאלטין מיט דיא פיר מלכים) . אונ אזוי פיל מענטשין וועלין קומען מיט גוג ומגוג מלחמה האלטין מיט די יודין ווען משיח וועט קומען . אין א ברייתא האבין מיר געלערונט דיא לייננג פון סנחריבס מחנה איז געוועזען פיר הונדערט מייל : די ברייט פון די האלדז פון זיינע פערד איז געוועזען פערציג מייל . אלע מענטשין צו זאמען וואס זענען געוועזען אין זיין מחנה איז געוועזען צוויי הונדערט מיט זעכציג מאל צעהן טויזענדער איינס הט געפעלט צו דעם רעכענונג . האט אביי געפרעגט וואס מיינט מען איינס האט געפעלט . איין מאהל צעהן טויזענד אדער איין טויזענד אדער איין הונדערט אדער גאר איינער . ווייס מען ניט . מיר האבין געלערונט דיא ערשטע מחנה פון סנחריב ווען זיי זענען אריין געגאנגען מיט זייערע פערד אין דעם ירדן . זענען די וואסער ווייניגער געווארין ביז די פערד האבין געקענט אריבער שווימען . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וחלף ביהודה שטף ועבר . סנחריב וועט גיין דורך יהודה . אונ וועט דורך שווימען . דיא אנדערע מחנה זענען אריין געגאנגען מיט די פערד אין ירדן . זענען דיא וואסער נאך ווייניגער געווארין אז די פערד זענען שטייענדיג אריבער געגאנגען מיט דיא פיס

העלו עפר על רגליהם ולא מצאו מים בנהר לשתות עד שהביאו מים ממקום אחר ושתו שנאמר (שם לז) אני קרתי ושתיתי מים וגו' והכתיב (מ"ב יט, ישעיה לז) ויצא מלאך ה' ויך במחנה אשור מאה ושמונים וחמשה אלף וגו' א"ר אבהו הללו ראשי גייסות הן אמר רב אשי דיקא נמי דכתיב (שם י) במשמניו רזון בשמנים דאית בהו אמר רבינא דיקא נמי דכתיב (דה"ב לב) וישלח ה' מלאך ויכחד כל גבור חיל ונגיד ושר במחנה וגו' ויבא בית אלהיו ומיציאי מעיו שם הפילוהו בחרב ש"מ:

פירוש

ברגליהם. שלא היה שם מים כלל עיקר: קרתי. לשון מקור: ה"ג: ויצא מלאך ה' ויך במחנה אשור קפ"ה אלף א"ר וכו'. ולא גרסינן והכתיב ויצא מלאך ה' אלמא כל מחנה אשור היינו אלא קפ"ה אלף ולעיל קתני ר"ס רבוא: הללו. קפ"ה אלף: ראשי גייסות. וגידי החיל שכן שולה ההבכין כדאמרינן מ"ה אלף בני מלכים פ' אלף גבורים פ' אלף אחוזי חרב הרי קפ"ה אלף אבל האחרים במתו אין מספר כדאמריק והשאר פרשים אין מספר: במה הכם. המלאך: ביד הגדולה. יד הגדולה לא נאמר אלא היד דמשמע היד שעתידה וכו': מגלך נטושה. שמוזה מגלך לקצור את אלו:

לב במה הכם רבי אליעזר אומר ביד הכם שנאמר (שמות יד) וירא ישראל את היד הגדולה היא היד שעתידה ליפרע מסנחריב ר' יהושע אומר באצבע הכם שנאמר (שם ח) ויאמרו החרטמים אל פרעה אצבע אלהים היא היא אצבע שעתידה ליפרע מסנחריב רבי אליעזר בנו של ר' יוסי הגלילי אומר אמר ליה הקב"ה לגבריאל מגלך נטושה אמר לפניו רבש"ע נטושה ועומדת מששת ימי בראשית שנאמר (ישעיה כא)

דעם יַרְדֵן. אונ די וואסער איז גיוועזן ביז צום האלדז. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק עד צַוָאר יַגִיעַ. ביז צום האלדז וועט גרייכן די וואסער. אז די לעצטע מַחֲנֶה זענען אריין גיגאנגען מיט די פערד אין יַרְדֵן. איז די וואסער גיוועזן אזוי ווייניג אז דיא פערד האבין אויף גיבריינגט ערד אויף זייערע פיס. אונ דיא פערד האבין שוין ניט געפונען אפילו קיין ביסול וואסער אין טייך צו טרינקען. ביז מען האט גיבריינגט וואסער פון איין אנדער טייך האבין זיי גיטרונקען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איך האב גימוזט גראבין קוואלין האב איך גיטרונקען וואסער. ווארום די אלע טייכין פון פעסטונג האב איך טרונקען גימאכט מיט די טריט פון מיינע פיס. פרעגט די גמרא עס שטייט דאך אין פסוק דער מַלְאָךְ פון גאט איז ארויס גיגאנגען אונ האט גישלאגין אין די מַחֲנֶה פון אַשׁוּר הונדערט מיט פינף אונ אכציג טויזענד מענטשין. זעהן מיר אז די מַחֲנֶה איז ניט אזוי גרויס גיוועזן ווי אין דער בַּרַייתָא שטייט. האט רבי אַבָּהוּ גיזאגט הונדערט מיט פינף אונ אכציג טויזענד זענען גיוועזן די עלצטע פון דעם חיל. האט רב אַשִׁי גיזאגט אין פסוק שטייט אויך אזוי אז דיא הונדערט פינף אונ אכציג טויזענד זענען גיוועזן עלצטע. ווארום עס שטייט אין פסוק בְּמִשְׁמַנָּיו רָזוֹן. אין די פעטע וועט זיין אמאגערקייט. שמועסט דער פסוק נאר פון די פעטע (פון די עלצטע). רבינא זאגט פון דעם פסוק ווייסין מיר אז מען שמועסט נאר פון דיא עלצטע. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט געשיקט א מַלְאָךְ אונ ער האט פארשניטען אלע שטארקע העלדין אונ אלע פירשטען אונ אלע שרים וואס זענען גיוועזן אין די מַחֲנֶה פון סַנְחֵרִיב. דער נאך איז סַנְחֵרִיב גיקומען אין די שטוב וואו זיין גאט איז גישטאנען אונ זיינע קינדער האבין איהם דארט גיהַרְגֶ'ט מיט א שווערד:

לב בַּמֶה. מיט וואס האט זייא דער מַלְאָךְ גישלאגין. רבי אֱלִיעֶזֶר זאגט ער האט זייא גישלאגין מיט דיא האנט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בייא דיא מִצְרַיִם. יודין האבין גיזעהן אֶת הַיָד הַגְדוֹלָה. האט גידארפט שטיין יָד הַגְדוֹלָה. איז דאך דיא ה"א איבעריג צו זאגין די האנט וואס האט גישלאגן דיא מִצְרַיִם. דיא זעלביגע האנט איז אנגיברייט צו שלאגין די מַחֲנֶה פון סַנְחֵרִיב. רבי יְהוֹשֻׁעַ זאגט מיט א פינגער האט ער זייא גישלאגין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא חַרְטוּמִים האבין גיזאגט צו פַּרְעֹה אֶצְבַּע אֱלֹהִים הִיא. דיא מַכָּה האט אונז גישלאגין דער פינגער פון גאט. איז דער ווארט היא איבעריג. צו זאגין היא אצבע. דער זעלביגער פינגער וואס האט גישלאגין דיא מִצְרַיִם איז אנגיברייט צו שלאגין דיא מַחֲנֶה פון סַנְחֵרִיב. רבי אֱלִיעֶזֶר בְּנוֹ שֶׁל רַבִּי יוֹסֵי הַגְלִילִי זאגט גאט האט גיזאגט צום מַלְאָךְ גַבְרִיאֵל דיין מגל איז שארף ווער

מפני חרבות נדדו [מפני חרב נטושה וגומר] רשב"י אומר אותו הפרק זמן בישול פירות היה א"ל הקב"ה לגבריאל כשאתה יוצא לבשל פירות היזקק להם שנאמר (שם כח) מדי עברו יקח אתכם כי בבקר בבקר וגו' אמר רב פפא היינו דאמרי אינשי אגב אורחך לבעל דבבך אישתמע וי"א בחוטמן נשף בהם ומתו שנאמר (שם מ) וגם נשף בהם ויבשו רבי ירמיה בר אבא אמר כפים ספק להם ומתו שנאמר (יחזקאל כא) וגם אני הכיתי כפי אל כפי והניחותי חמתי בי יצחק נפחא אמר אזנים גלה להם ושמעו שירה מפי החיות ומתו שנאמר (ישעיה לג) מרוממותך נפצו גוים:

גבריאל. ממונה על בישול הפירות: היזקק להם. להיל סנחריב להרגן: אגב אורחך. בהליכתך לדרכך לפי תומך: לבעל דבבך אישתמע. לשונאך השמע: וספחידו: כסף. נפח: עשרה. שהנער יכול להטיל טפה של דיו והיינו יו"ד כשאמרו עשרה: ושמואל אמר תשעה. ונשאר בו עוללות כנוקף זית שאין נשארים בו אלא דבר מועט שנים או שלשה גרגרים בראש אמיר כך לא ישתייר במחנהו אלא דבר מועט וכמה ארבעה

לג כמה נשתיירו מהם אמר רב עשרה שנאמר (ישעיה י) ושאר עץ יערו מספר יהיו ונער יכתבם כמה נער יכול לכתוב (יוד וכמה יו"ד) עשרה ושמואל אומר ט' שנאמר (שם יז) [ונשאר בו עוללות] כנוקף זית שנים שלשה גרגרים בראש אמיר ארבעה חמשה

מעסער וואס מען שניידט מיט איהם תבואה הייסט מגל. האט גבריאל געזאגט פאר גאט רבונו של עולם מיין מגל איז שארף פון דער צייט וואס דיא וועלט איז בשאפן געווארין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייא זענען אנטלאפין פאר דיא שווערדין פאר דעם געשארפטין שווערד. רבי שמעון בן יוחאי זאגט די צייט איז געוועזן וואס פירות ווערין פערטיג. אונ דער מלאך גבריאל האט צו שאפין פערטיג צו מאכין דיא פירות. האט גאט געזאגט צו גבריאל אז דוא וועסט ארויס גיין אויף דער וועלט צייטיג צו מאכין דיא פירות. זאלסטו אפ טרעטין ביי דעם חיל פון סנחריב אונ זאלסט זייא הרגענען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ווען ער וועט דורך גיין וועט ער אייך צו נעמען ווארום אלע אין דער פריה גייט ער דורך. רב פפא זאגט דאס איז וואס מענטשין זאגין אזוי וויא דוא וועסט גיין אין גאס צו דיין געשעפט. זאלסטו אפ טרעטין בייא דיין שונא אונ זאלסט איהם אביסול איבער שרעקין. אנדערע זאגין גבריאל האט זייא אבלאזו געטאהן אין דיא נאז לעבער זענין זייא געשטארבין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער האט אין זייא אבלאזו געטאהן זענען זייא פאר טריקונט געווארין. רבי ירמיה בר אבא זאגט גבריאל האט א פאטש געטאהן מיט דיא הענט האבין זייא זיך דער שראקין אונ זענען געשטארבין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איך האב אפאטש געטאהן אהאנט אויף אהאנט אונ האב געשטילט מיין כעס; ווייל זייא זענען געשטארבין דורך דעם פאטש. רבי יצחק נפחא זאגט גאט האט זייא אויף געמאכט דיא אוהערין האבין זייא געהערט וויא דיא חיות וואס זענען אין הימעל זאגין שירה פון דיא הייליגקייט פון דער שטימע איז ארויס זייערע נשמות אונ זענען געשטארבין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מרוממותך נפצו גוים; פון דיין גרויסקייט וואס זייא האבין געהערט זענין דיא פעלקער פארשפרייט געווארין:

לג כמה. וויא פיל מענטשין זענען געבליבען פון סנחריבס חיל. רב זאגט צעהן זענען געבליבען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא איבעריגע ביימער פון זיין וואלד וועט איבעריגע מענטשין פון זיין חילו וועלין זיין אקליינער צאהל. אז אקינד וועט זיי קענען אויף שרייבין. וויא פיל קען אקינד אויף שרייבין. צעהן; ווארום ער מאכט אפינטעלע. איז דאס א יו"ד. אונ א יו"ד איז צעהן. אונ שמואל זאגט ניין זענען געבליבען; אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס וועט בלייבין פון סנחריבס חיל אזוי וויא עס בלייבט אויף א בוים קליינע פירות וואס מען קלויבט זייא ניט אראפ. אזוי וויא עס בלייבט אויף דעם איילבירט בוים ווען מען האקט אפ די איילבירטען. בלייבט אויף דעם שפיץ צווייג וואס הייסט אמירו צוויי דריי קליינע איילבירטען. אונ אויף דעם צווייג וואס הייסט סעיף בלייבט פיר פינף איילבירטען; אזוי וועט בלייבען פון

חמשה בסעיפיה וגו' ר' יהושע בן לוי אומר י"ד שנאמר שנים שלשה גרגרים ד' וחמשה וגו' ר' יוחנן אומר ה' סנחריב ושני בניו נ"נ ונבוזראדן . נבוזראדן גמרא נ"נ דכתיב (דניאל ג) ורוה די רביעאה דמה לבר אלהין ואי לא דחזייה מנא הוה ידע סנחריב ושני בניו דכתיב (מ"ב יט) ויהי הוא משתחוה בית נסרוך אלהיו ואדרמלך ושראצר בניו הכוהו בחרב א"ר אבהו אלמלא מקרא כתיב אי אפשר לאמרו דכתיב (ישעיה ז) ביום ההוא יגלח ה' בתער השכירה בעברי נהר במלך אשור את הראש ואת שער הרגלים וגם את הזקן תספה אתא קוב"ה ואדמי ליה כגברא סבא אמר ליה כי אזלת לגבי מלכי מזרח ומערב דאייתיתינהו לבנייהו וקטלתינהו מאי אמרת להו א"ל ההוא גברא בההוא פחדא נמי יתיב א"ל היכי נעביד א"ל זיל (דף נו) ושני נפשך במאי אישני א"ל זיל אייתי

חמשה בסעיפיה פוריה ארבעה וחמשה והיינו חמשה: י"ד. דכתיב שנים ושלשה ארבעה וחמשה היינו י"ד: רבי יוחנן. מקרא לא דייק לכו אלא כ"ק הללו חמשה נשתיירו מהן סנחריב ושני בניו וקרא משמע כנוקף מלקט זית דמשייר (מעליו) [מעט] כראש ענף שנים או שלשה גרגרים כך ישתייר לו מעט ד' או ה': נבוכדנאצר. דכתיב גבי חנניה מישאל ועזריה ורוה די רביעאה דמה לבר אלהין אמלא דחזא גבריאל והכירו ככהן: סנחריב ושני בניו. דכתיב ויהי הוא משתחוה וגו': אי אפשר לאמרו. שהקב"ה בעצמו גלחו לסנחריב: דאייתיתינהו לבנייהו. כדאמרן שהביא עמו מ"ב אלף בני מלכים: אשני נפשך. שנה עצמך כדי שלא

סנחריבס חיל פיר פינף מענטשין . פיר מיט פינף איז ניין . רבי יהושע בן לוי זאגט פערצעהן מענטשין זענען געבליבען . אזוי וויא עס שטייט אין דעם פסוק וואס שמואל זאגט עס בלייבט אויף דעם בוים איילבירטען צוויי דריי פיר פינף . צו זאמען איז פערצעהן . אזוי איז געבליבען פון סנחריבס חיל פערצעהן מענטשין . רבי יוחנן זאגט פינף מענטשין זענען געבליבען סנחריב מיט צווייא זיהן אונ נבוכדנצר אונ נבוזראדן . אז נבוזראדן איז געוועזן ביי די מלחמה פון סנחריב אונ ער איז געבליבען דאס האבין מיר גילערנט אויסווייניג . אונ אז נבוכדנצר איז געוועזן בייא דיא מלחמה פון סנחריב אונ ער איז געבליבען דאס קענען מיר וויסען פון פסוק . עס שטייט אין פסוק ווען מען הט אריין געווארפין חנניה מישאל ועזריה אין דעם ברענענדיגען הויבין . האט נבוכדנצר גיזאגט איך זעה פיר מענטשין גייען ארום אין הויבין אונ דר פערטער זעהט אויס וויא אמלאך . פון וואנען ווייס נבוכדנצר וויא אמלאך זעהט אויס . ווען האט ער גיזעהן אמלאך . נאר ער איז געוועזן בייא דיא מלחמה פון סנחריב האט ער גיזעהן דעם מלאך גבריאל ווען ער האט גיהרגת דעם חיל פון סנחריב אונ איצט אין הויבין איז אויך געוועזן דר מלאך גבריאל האט נבוכדנצר איהם דער קענט . אונ פון וואנען ווייסין מיר אז סנחריב מיט זיינע צוויי זיהן זענען געבליבען . ווארום עס שטייט אין פסוק סנחריב איז געוועזן אין דיא שטוב ווא זיין גאט נסרוך איז גישטאנען . אונ ער הט זיך גיבוקט צו איהם . זענען אריין גיקומען זיינע צווייא זיהן אדרמלך אונ שראצר אונ האבין איהם גיהרגת מיט אשווערד .

רבי אבהו זאגט ווען דער פסוק וואלט ניט גישטאנען . וואלטין מיר דאס ניט גיקענט זאגין . ווארום עס שטייט אין פסוק אין דעם טאג וועט גאט אפ גאלין מיט דעם גידונגענעם גאל מעסער די מענטשין וואס וואוהנען אויף דיא אנדערע זייט פון דעם טייך . דאס מיינט מען דעם מלך אשור . ער וועט איהם אפ גאלין דעם קאפ אונ דיא האר פון די פיס אונ דעם בארד וועט ער אויך פארלענדין . גאט איז גיקומען צו סנחריב אונ האט זיך פארשטעלט פאר איהם אזוי וויא אאלטער מאן . אונ גאט האט גיזאגט צו סנחריב אז דוא וועסט קומען צו דיא מלכים וואס וואוהנען אין מזרח זייט אונ אין מערב זייט . אונ זייא וועלין דיך פרעגין פאר וואס האסט דוא גינומען אונזערע קינדער אונ האסט זייא גיברייננט צו ירושלים אונ האסט זיי גיהרגת . וואס וועסטו זייא ענפערין . האט סנחריב גיזאגט צו גאט איך זיץ טאקי אין דעם שרעק . אונ וואס זאל איך טאהן . האט גאט גיזאגט צו סנחריב פאר ענדער דיך מען זאל דיך ניט דער קענען . האט סנחריב גיזאגט מיט וואס זאל איך מיך ענדערין . האט גאט גיזאגט צו סנחריב גיי ברייננ אשער וועל איך דיר אפ שערין די האר . האט סנחריב גיזאגט פון וואנען זאל איך

אייתי לי מספר ואינזייך [אנא] מהיכא אייתי א"ל זיל להווא ביתא ואייתי אזל אשכהינהו מלאכי ואידמו ליה כגברי והוו קא טחני קשייתא אמ׳ להו הבו לי מספרא אמרו ליה טחין חד גריוא דקשייתא וניתן לך טחן חד גריוא דקשייתא ויהבו ליה מספרתא עד דאתא איחשך אמר ליה זיל אייתי נורא אזל ואייתי נורא בהדי דקא נפח אתלי ביה נורא בדיקניה אזל גזייה לרישיה ודיקניה אמר היינו דכתיב (ישעיה ז) וגם את הזקן תספה אמר רב פפא היינו דאמרי אינשי גרירתיה לארמאה ושפר ליה אתלי ביה נורא בדיקניה ולא שבעא חוכא מיניה אזל אשכח דפא מתיבותא דנח אמר היינו אלהא רבא דשיזביה לנח מטופנא אמר אי אזיל ההוא גברא ומצלח מקרב להו לתרין בנוהי קמך שמעו בנוהי וקטלוהו היינו דכתיב (מ"ב יט) ויהי הוא משתחוה בית נסרוד אלהיו ואדרמלך ושראצר בניו הכוהו בח־ב:

לד (בראשית יד) **ויחלק** עליהם לילה הוא ועבדיו ויכם וגו׳ אמ׳ רבי יוחנן אותו מלאך שנזדמן לו לאברהם לילה שמו שנאמר (איוב ג) והלילה

יכירוך: ואינזייך אנא. אני אגלחך: קשייתא: גרעיני תמרים: טחון. אלו גרעינין וניתן לך מספרים והיינו דכתיב בתער השכירה על שם שערה נתנו לו תער לגלח ואיזה שכר נתנו לו בעברי הנהר דברים שדרך לעשות ע"י נהר דהיינו טחינת ריחים: וגם את הזקן תספה. דלא כתיב גלוח אלא אראה דבל הזקן כתיב תספה לשון כילוי דמשמע ע"י אור שכלתה לגמרי: גרירתיה לארמאה ושפר באפיה. אם אדם מהדק את הארמאה והוטב בעיניו הנער לו את זקנו ולא שבעא חוכא מיניה: בית נסרוך אלהיו. לשון נסר שהשתחוה לנסר ועשאו אלוה: היינו דכתיב ויהי הוא משתחוה בית נסרוך וגו׳. דמשמע דמפני שהשתחוה לשם הכוהו בת"ב:
[ויחלק עליהם] איידי דאיירי במלכים איירי נמי בהאי קרא [דכתיב] ויהי בלילה ההוא ויצא מלאך ה׳ וגו׳ נקט ויחלק עליהם לילה הוא ועבדיו ויכם: מלאך שנזדמן לאברהם לילה שמו. והוא

גֶעמֶען אַשֶׁער. הָאט גָאט גִיזָאגְט צוּ סַנְחֵרִיב גֵייא אַרַיין אִין דִיא שְׁטוּבּ אוּנ בְּרֵיינְג פוּן דָארְטִין אַשֶׁער. אִיז סַנְחֵרִיב אַרַיין גִיקוּמֶען אִין שְׁטוּבּ הָאט עֶר גִיטְרָאפִין אִין שְׁטוּבּ מַלְאָכִים. הָט עֶר גִימֵיינְט דָאס זֶענֶען מֶענטְשִׁין. אוּנ דִיא מַלְאָכִים הָאבִּין גִימָאלִין קֶערְנֶער פוּן טֵייטְלֶען. הָאט סַנְחֵרִיב גִיזָאגְט צוּ דִי מַלְאָכִים גִיט מִיר אַשֶׁעְרִיל. הָאבִּין דִי מַלְאָכִים גִיזָאגְט צוּ סַנְחֵרִיב אַז דוּא וֶועסְט צוּ מָאלִין דִיא מָאס קֶערְנֶער. וֶועלִין מִיר דִיר גֶעבִּין אַשֶׁעְרִיל. הָאט סַנְחֵרִיב צוּ מָאלִין דִי מָאס קֶערְנֶער, הָאבִּין זֵיי אִיהם גִיגֶעבִּין דִי שֶׁעְרִיל (וָואס אִיז דֶער גִידוּנְגֶענֶער גָאל מֶעסֶער. וַוייל עֶר הָאט בַּצָאהלְט מִיט זַיין אַרְבֶּעט פַאר דִי שֶׁעְרִיל) . בִּיז סַנְחֵרִיב אִיז גִיקוּמֶען צוּרִיק צוּ גָאט אִיז דֶער וַוייל פִינְסְטֶער גִיוָוארִין. הָאט גָאט גִיזָאגְט צוּ סַנְחֵרִיב גֵיי בְּרֵיינְג פַייעֶר. אִיז סַנְחֵרִיב גִיגַאנְגֶען אוּנ הָאט גִיבְּרֵיינְגְט פַייעֶר. ווִי סַנְחֵרִיב הָאט גִיבְּלָאזִין דָאס פַייעֶר הָאט זִיךְ אָן גִיצוּנְדֶען דִי בָּארְד זַיינֶע אִין דֶעם פַייעֶר. אִיז גִיגַאנְגֶען סַנְחֵרִיב אוּנ הָאט אָפּ גִיגָאלְט דֶעם קָאפּ. אוּנ דִיא בָּארְד הָאט עֶר שׁוֹין נִיט גִידַארְפְט אָפּ גָאלִין וָוארוּם זִיא אִיז פַאר בְּרֶענְט גִיוָוארִין. דָאס אִיז וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וְגַם אֶת הַזָּקָן תִּסְפֶּה. דִיא בָּארְד וֶועסְטוּ פַאר לֶענְדִין. נִיט אָפּ גָאלִין נָאר פַארְלֶענְדִין אִין פַייעֶר. רַב פַּפָּא זָאגְט דָאס אִיז וָואס מֶענְטְשִׁין זָאגִין אַז דוּא הָאסְט גִינוּמֶען אַגוֹי פוּן אֲרָם אוּנ דוּא הָאסְט אִיהם רֵיין אַרוּם גִיוַואשִׁין אוּנ עֶס אִיז אִיהם גִיפֶעלִין. זָאלְסְט דוּ אָן צִינְדֶען פַייעֶר אִין זַיין בָּארְד וֶועסְטוּ נִיט זַאט וֶוערִין לַאכֶענְדִיג פוּן אִיהם. דֶר נָאךְ אִיז גִיגַאנְגֶען סַנְחֵרִיב אוּנ הָאט גִיפוּנֶען אַבְּרֶעט פוּן דֶער תֵּבָה פוּן נֹחַ. הָאט סַנְחֵרִיב גִיזָאגְט אוֹיף דִיא בְּרֶעט דָאס אִיז דֶער גְרוֹיסֶער גָאט וָואס עֶר הָאט גִירֶעטֶעט נֹחַ פוּן מַבּוּל. הָאט סַנְחֵרִיב גִיזָאגְט אוֹיף זִיךְ אוֹיבּ אִיךְ וֶועל גֵיין אוּנ וֶועל בַּגְלִיקֶען וֶועל אִיךְ מַקְרִיב זַיין מַיינֶע צְווֵיי קִינְדֶער פַאר דִיא בְּרֶעט. וִוי זַיינֶע קִינְדֶער הָאבִּין דָאס גִיהֶערְט הָאבִּין זֵיי אִיהם גִיהַרְגֶעט. דָאס אִיז וָוס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עֶר הָאט זִיךְ גִיבּוּקְט צוּ זַיין גָאט נִסְרוֹךְ (נֶסֶר אִיז דֶער טַייטְשׁ אַבְּרֶעט). הָאבִּין זַיינֶע קִינְדֶער אַדְרַמֶּלֶךְ אוּנ שַׂרְאֶצֶר אִיהם גִיהַרְגֶעט מִיט אַשְׁוֶוערְד:

לד וַיֵּחָלֵק. וֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט מִלְחָמָה גִיהַאלְטִין מִיט דִיא פִיר מְלָכִים שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וַיֵּחָלֵק עֲלֵיהֶם לַיְלָה. דִיא נַאכְט אִיז אוֹיף זֵייא צוּ טֵיילְט גִיוָוארִין אוֹיף אִיהם מִיט זַיינֶע קְנֶעכְט אוּנ עֶר הָאט זֵייא גִישְׁלָאגִין. וֶוער הָאט זֵייא גִישְׁלָאגִין. רַבִּי יוֹחָנָן זָאגְט דֶער מַלְאָךְ וָואס

והלילה אמר הורה גבר ר' יצחק נפחא אמר שעשה עמו מעשה לילה שנאמר (שופטים ה) מן השמים נלחמו הכוכבים ממסלותם וגו' אמר ריש לקיש טבא דנפחא מדבר נפחא. (בראשית יד) וירדוף עד דן א"ר יוחנן כיון שבא אותו צדיק עד דן תשש כחו ראה בני בניו שעתידין לעבוד ע"ז בדן שנאמר (מ"א יב) וישם האחד בבית אל ואת האחד נתן בדן ואף אותו רשע לא נתגבר עד שהגיע לדן שנאמר (ירמיה ח) מדן נשמע נחרת סוסיו:

לה א"ר זירא אע"ג דשלח ר' יהודה בן בתירא מנציבין הזהרו בזקן ששכח תלמודו מחמת אונסו והזהרו בורידין כר' יהודה והזהרו בבני עמי הארץ שמהן תצא תורה כי האי מלתא מודעינן להו צדיק

סייעו: מעשה לילה. שנלחמו בשבילו כוכבי לילה כמו שעשו בשביל ברק: טבא. מליה דר' יצחק שהוא נפחא: מדבר נפחא. מר' יוחנן דמקרי בר נפחא בכולי תלמודא כגון מאן ציית בר נפחא. נראה למורי דאביו של ר' יוחנן הוה נפח לפיכך נקרא בר נפחא ואית דמפרשי בר נפחא על שם יפיו:

שכח בזקן. אע"פ ששכח תלמודו הואיל ומחמת אונסו הוא: הזהרו בורידין כרבי יהודה. דאמר בשחיטת חולין עד שישחוט את הורידים של עוף הואיל וצולהו כולו כאחד ואינו חותכו ומולחו כבשר חיה ובהמה: והזהרו בבני עם הארץ. שנעשו תלמידי חכמים לעשות להם כבוד: שמהם תצא תורה. לישראל שהרי יצאו שמעיה ואבטליון מבני בניו של סנחריב ומבני בניו של המן למדו תורה בבני ברק כדלקמן ואע"ג דאמר כרבי יהודה הכי הזהרו בבני עם הארץ: כי הא מלתא. דלקמן: מודעינן [להו]. דכי היכי דחזינן לקמן דלא זכה נבוכדנאצר לאותו כבוד אלא מפני זכות ד' פסיעות כדאמרינן לקמן הכי נמי אמרינן בבני עם הארץ דלא זכו לאותו כבוד אלא מפני זכות מעט שהיה

איז גיקומען צו אברהם העלפין איהם אין דיא מלחמה. האט ער גיהייסין לילה: אונ דר מלאך האט זייא גישלאגין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק והלילה אמר הורה גבר. דער מלאך וואס הייסט לילה האט גיזאגט דער מאן האט מעוברת גימאכט דיא אשה. רבי יצחק נפחא זאגט דר מלאך האט ניט גיהייסין לילה. נאר וייל ער האט מלחמה גיהאלטין פאר אברהם ביי נאכט. דריבער האט מען איהם גירופין לילה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ביי ברק פון הימעל האט מען מלחמה גיהאלטין. די שטערין פון זייער וועג וואס זיי גייען האבין מלחמה גיהאלטין מיט סיסרא. אזוי דא ביי אברהם האבין אויך ביי נאכט דיא שטערין מלחמה גיהאלטין מיט דיא פיר מלכים. ריש לקיש האט גיזאגט נפחא האט בעסער גיזאגט וויא בר נפחא. רבי יצחק נפחא זאגט בעסער וויא רבי יוחנן וואס מען רופט איהם בר נפחא. אין פסוק שטייט אברהם האט נאך געיאגט די מלכים ביז דן. פר וואס ניט ווייטער. רבי יוחנן זאגט ווי דר צדיק אברהם איז גקומען צום ארט דן. איז שוואך גווארין זיין כח. ווארום ער האט געזעהן אז זיינע איינקלאך וועלין דינען עבודה זרה אין דן. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ירבעם בן נבט האט גמאכט צוויי גאלדענע קעלבער איינעם האט ער גישטעלט אין בית אל אונ איינעם האט ער גישטעלט אין דן. אונ דר רשע נבוכדנצר האט זיך אויך ניט גישטארקט ביז ער איז גיקומען אין דן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פון דן איז גיהערט גיווארין דיא ברומונג פון זיינע פערד:

לה אמר. רבי זירא האט גזאגט רבי יהודה בן בתירה פון נציבין האט געשיקט זאגין מען זאל זיך היטען צו געבין כבוד דעם אלטען מאן וואס האט פאר געסין זיין לערנען וייל ער האט גיהאט אאומגליק (משל ער איז קראנק גיוועין איז ביי אים צו גינומען גיווארין זיין שכל) דריבער האט ער פאר געסין דאס לערנען. נאך האט רבי יהודה בן בתירה גיהייסען אז מען וועט שעכטין אעוף זאל מען זיין געהיט איבער צו שניידין דיא ווירידון (דאס זענען דיא דינע אדערין וואס אין האלדז ביי דער זייט). אונ נאך האט רבי יהודה בן בתירה גיהייסען אז אעם הארץ האט קינדער וואס קענען לערנען תורה. זאלט איר זיין געהיט צו געבין כבוד דיא קינדער פון דעם עם הארץ. וייל פון זייא וועט ארויס גיין תורה צו אלע יודין (אזו וויא מיר זעהן שמעיה אונ אבטליון וואס זענען גיוועין תנאים. זענען גיוועין איינקלאך פון סנחריב. אונ דיא איינקלאך פון המן האבען גילערנט תורה ביי דיא בני ברקו. אפילו רבי יהודה האט אזוי גיזאגט. פון דעסטוועגין זאגט מען זייא אז דעם כבוד האבען זייא נוט פון זייער פאטער. נאר פון זייער תורה וואס זייא האבען גילערנט. זייא זאלין ניט זיין גרויס ביי זיך. עס שטייט אין פסוק ירמיה הנביא האט גזאגט פאר גאט איך וויים אז איך וועל מיך קריגען מיט דיר

(ירמיה יב) צדיק אתה ה' כי אריב אליך אך משפטים אדבר אותך מדוע דרך רשעים צלחה שלו כל בוגדי בגד נטעתם גם שורשו ילכו גם עשו פרי מה אהדרו ליה (שם) כי את רגלים רצתה וילאוך ואיך תתחרה את הסוסים גו' משל לאדם אחד שאמר יכול אני לרוץ שלש פרסאות לפני הסוסים בין בצעי המים נזדמן לו רגלי אחד רץ לפניו שלשה מילין ביבשה ונלאה א"ל ומה לפני רגלי כך לפני הסוסים עאכ"ו ומה ג' מילין כך ג' פרסאות עאכ"ו ומה ביבשה כך בין בצעי המים עאכ"ו אף אתה ומה בשכר ד' פסיעות ששלמתי לאותו רשע שרץ אחר כבודי אתה מתמיה כשאני משלם שכר לאברהם יצחק ויעקב שרצו לפני כסוסים עאכ"ו היינו דכתיב (ירמיה כג) לנביאים נשבר לבי בקרבי וגו' הני ד' פסיעות מאי היא דכתיב (מ"ב כ) בעת ההיא שלח בראדך בלאדן בן בלאדן מלך בבל ספרים וגו' משום דשמע כי חלה חזקיהו ויחזק שדר ליה ספרים ומנחה אין (דברי הימים ב' לב) לדרוש המופת אשר היה בארץ דאמר ר' יוחנן אותו היום שמת

באביהם מ"ר . ואית דאמרי דר' זירא אדלעיל קאי אבני סנחריב אע"ג דגלה ר' יהודה הזהרו בבני עמי הארץ לכבדן שמהם תצא תורה כי הני דנפקי מסנחריב כי הא מלתא מודעינן להו לבני עמי הארץ דהא דמייקרים להו לאו משום כבוד אביהם אלא בשביל התורה שבהם שלא תזוח דעתם עליהם ויאמרו אבותיהם צדיקים היו : מדוע דרך רשעים צלחה . מפני מה הצליח נבוכדנצר וכבש ירושלים : מאי אהדרו ליה . לירמיה: בצעי מים . מרש"ק בלע"ז: ארבע פסיעות . מפורש לקמן : עאכ"ו . שיהיו כל אדם יכולין לתמוה על השכר גדול שישתלם לכם : לנביאים . אברהם יצחק ויעקב : בשכר לבי

וועסטו זיין גירעכט . נאר איך וועל מיט דיר ריידן אזעלכע זאכען וואס דער דין איז אז איך דארף גירעכט זיין . פאר וואס איז דיא וועג פון דיא רשעים אזוי גליקלאך . פאר וואס זענען צוא פרידען אונ רוהיג אלע פארשע מענטשין . דוא האסט זייא גיפלאנצט אונ זייא זענען איין גיווארצילט גיווארין . זייא גייען אויף דער וועלט אונ עם וואקסט אויף זייא פרוכטען וירמיה הט זיך גיוואונדערט פאר וואס אזוי ארשע ויא נבוכדנצר האט גיקענט איין נעמען ירושלים אונ חרוב מאכען דעם בית המקדש) . וואס האט מען גיענטפערט צו ירמיה . מיט פוס גייער ביסטו גילאפען האבען זייא דיך מיד גימאכט . וויא אזוי ווילסטו דיך שטארקען צוא זאגין אז דוא וועסט לויפען בעסער וויא פערד . דאס איז געגליכען צו א מענטשין וואס ער האט גזאגט איך קען לויפען דריי מייל פאר אוים פאר דיא פערד צווישען זומפיגע ערטער . הט זיך איהם גיטראפען א פוס גייער איז ער גילאפען פאר דעם פוס גייער דריי תחום שבת אויף דער טריקענעש אונ איז מיד גיווארין . האט מען גזאגט צו איהם מאראך פר א פוס גייער האסטו ניט גיקענט לויפען . פאר פערד וועסטו דאך געווים ניט קענען לויפען . אונ מאראך דריי תחום שבת האסטו ניט גיקענט לויפען . דריי מייל וועסטו דאך געווים ניט קענען לויפען . אונ מאראך אויף דער טריקענעש האסטו ניט גיקענט לויפען . אויף דיא זומפיגע ערטער וועסטו געווים ניט קענען לויפען . דוא ירמיה ביסט אויך אזוי . מאראך דוא וואונדערסט זיך אויף דעם שכר וואס איך האב גיגעבין צו דעם רשע נבוכדנצר פאר דיא פיר טריט וואס ער איז גילאפען פאר מיין כבוד וועגין . וויא גרויס וועט שוין זיין ביין וואונדער אז דוא וועסט זעהן דעם שכר וואס איך וועל בצאהלען צו אברהם יצחק יעקב וואס זייא זענען גילאפען פאר מיר וויא דיא פערד . דאס מיינט דער פסוק לנביאים נשבר לבי בקרבי . אויף דיא נביאים (דאס איז אברהם יצחק יעקב) איז צוא בראכען מיין הארץ אין מיר (ירמיה הנביא זאגט אז איך זעה דעם שכר וואס גאט וועט געבין צו אברהם יצחק יעקב ווערט צו בראכען אין מיר מיין הארץ . פאר וואס האב איך ניט זוכה גיוועזען צו זיין אזוי אצדיק וויא אברהם יצחק יעקב זענען גיוועזען) . וואס זענען גיוועזען דיא פיר טריט פון נבוכדנצר . ווארום עס שטייט אין פסוק אין דער צייט האט געשיקט בראדך בלאדן בן בלאדן דער מלך פון בבל בריף אונ מתנות צו חזקיהו ווארום ער האט גיהערט אז חזקיהו איז קראנק גיוועזען . איז דאך אקשיא ווייל ער האט גיהערט אז חזקיהו איז קראנק גיוועזען אונ האט זיך גישטארקט . דריבער הט ער אים געשיקט בריף אונ מתנות . ענטפערט די גמרא בראדך בלאדן האט גיוואלט פארשטין דעם וואונדער וואס איז גיוועזען אין דער וועלט . ווארום רבי יוחנן האט

בקרני. כלומר שמספידו על מתן שכרו: שתי שעות. כדי שלא יהא פנאי לספדו ולקוברו: ואיתפח. מתרפא: אהדרינהו הקב"ה להנך עשר שעות לחזקיהו דאותו יום שנתרפא חזקיה היה של כ"ב שעות: כדכתיב בתרים. דשליח: לא היה להם תקנה. שהיה שכרו מרובה והיה לו זכות לאבד שאריתנו:

שמת בו אחז שתי שעות היה וכי חלה חזקיה ואיתפח אהדרינהו קב"ה להנך עשר שעי ניהליה דכתיב (ישעיה לח) הנני משיב את צל המעלות אשר ירדה במעלות אחז בשמש אחורנית עשר מעלות ותשב השמש עשר מעלות במעלות אשר ירדה אמר להו מאי האי אמרו ליה חזקיה חלש ואיתפח אמר איכא גברא כי האי ולא בעינא לשדורי ליה שלמא כתבו ליה שלמא למלכא חזקיהו שלם לקרתא דירושלם שלם לאלהא רבא. נבוכדנאצר ספרא דבלאדן הוה ההיא שעתא לא הוה התם כי אתא אמר להו היכי כתביתו אמרו ליה הכי כתיבינן אמר להו קריתו ליה אלהא רבא וכתביתו ליה לבסוף [אמר] אלא הכי כתיבו שלם לאלהא רבא שלם לקרתא דירושלים שלם למלכא חזקיה אמרו ליה קריינא דאיגרתא איהו להוי פרוונקא רהט בתריה כדרהיט ארבעה פסיעות אתא גבריאל ואוקמיה א"ר יוחנן אלמלא לא בא גבריאל והעמידו לא היה תקנה לשונאי ישראל:

מאי

טָאגְט דֶער טָאג וָואס אָחָז אִיז אִים אִין גִישְׁטָארְבֶּן אִיז עֶר נָאר גִיוֶוען צְוֵויי שָׁעָה. מֶען זָאל אִים נִיט קֶענֶען מַסְפִּיד זַיין אוּנ נִיט קֶענֶען בַּגְרָאבִין בַּיי טָאג נָאר בַּיי נַאכְט. עֶר זָאל נִיט הָאבֶּען כָּבוֹד. אוּנ אַז חִזְקִיָה אִיז קְרַאנְק גִיוֶועז אוּנ אִיז גִיזוּנְד גִיוָוארִין. הָאט גָאט אִיהם אָפּ גִיגֶעבִּין דִי צֶעהן שָׁעָה. דֶער טָאג אִיז גִיוֶועז גְרֶעסֶער מִיט צֶעהן שָׁעָה וִויא אַלֶע טָאג. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִיךְ וֶועל צוּרִיק קֶערִין דֶעם שָׁאטֶען פוּן דִיא טְרֶעפּ וָואס עֶס הָאט אַרָאפּ גֶענִידֶערְט אוֹיף דִיא טְרֶעפּ פוּן אָחָז אוֹיף דִיא זוּהן [צֶעהן טְרֶעפּ צוּרִיק] [אוּנ אַז דֶער שָׁאטֶען אִיז אַוֶועק גִיגַאנְגֶען פוּן דִיא צֶעהן טְרֶעפּ] הָאט זִיךְ דִיא זוּהן צוּרִיק גִיקֶערְט צֶעהן טְרֶעפּ אוֹיף דִיא טְרֶעפּ וָואס זִיא הָאט פְרִיעֶר אַרָאפּ גֶענִידֶערְט. אִיז דֶער טָאג גְרוֹיס גִיוֶועז צְוֵויי אוּנ צְוַואנְצִיג שָׁעָה. הָאט בְּרֹאדַךְ גִיפְרֶעגְט בַּיי זַיינֶע מֶענְטְשִׁין פַאר וָואס אִיז הַיינְט דֶער טָאג גְרֶעסֶער וִויא אַלֶע טֶעג. הָאבֶּען זֵייא גִיזָאגְט צוּ אִים. דֶער מֶלֶךְ חִזְקִיָה אִיז קְרַאנְק גִיוֶועז אוּנ הַיינְט אִיז עֶר גִיזוּנְד גִיוָוארִין. פוּן זַיינֶעטְוֶועגִין הָאט גָאט גְרֶעסֶער גִימַאכְט דֶעם טָאג. עֶר זָאל הֲנָאָה הָאבֶּען פוּן דִיא זוּהן. הָאט בְּרֹאדַךְ גִיזָאגְט אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז דָא אַזוֹי אַמֶענְטְשׁ אוּנ אִיךְ זָאל אִים נִיט שִׁיקֶען אַמַתָּנָה מִיט שָׁלוֹם. הָאט עֶר בַּאלְד גִיהֵייסֶען מֶען זָאל שְׁרַייבֶּען אַבְּרִיף. שָׁלוֹם צוּם מֶלֶךְ חִזְקִיָהוּ. שָׁלוֹם צוּ דִי שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם. שָׁלוֹם צוּם גְרוֹיסֶען גָאט. נְבוּכַדְנֶצַר אִיז גִיוֶועז דֶער שְׁרַייבֶּער פוּן מֶלֶךְ בְּרֹאדַךְ בְּלַאדָן. דִיא צַייט וָואס מֶען הָט גִידַארְפְט שְׁרַייבֶּען דֶעם בְּרִיף. אִיז נְבוּכַדְנֶצַר נִיט גִיוֶועז דָארְטִין. הָאט אֵיין אַנְדֶערֶער גֶעשְׁרִיבֶּען. אַז נְבוּכַדְנֶצַר אִיז גִיקוּמֶען הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט וִויא אַזוֹי הָאט אִיר גֶעשְׁרִיבֶּען. הָאבֶּען זֵייא גִיזָאגְט צוּ נְבוּכַדְנֶצַר אַזוֹי הָאבֶּן מִיר גֶעשְׁרִיבֶּען. הָאט נְבוּכַדְנֶצַר גִיזָאגְט אִיר רוּפְט אִים דֶער גְרוֹיסֶער גָאט. אוּנ אִיר הָאט אִים גֶעשְׁרִיבֶּען צוּם לֶעצְטִין. נָאר אַזוֹי הָאט אִיר גִידַארְפְט שְׁרַייבֶּען. שָׁלוֹם צוּם גְרוֹיסֶען גָאט: שָׁלוֹם צוּ דִיא שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם. שָׁלוֹם צוּם מֶלֶךְ חִזְקִיָהוּ. הָאבֶּען זֵייא גִיזָאגְט צוּ נְבוּכַדְנֶצַר דֶער וָואס קֶען לֵייעֶנֶען דֶעם בְּרִיף דֶער זָאל זַיין דֶער שָׁלִיחַ פוּן דֶעם בְּרִיף. דוּא וֵוייסְט וִוי צוּ שְׁרַייבֶּן דֶעם בְּרִיף. שְׁרַייבּ אִיהם דוּא. אִיז נְבוּכַדְנֶצַר גִילָאפֶען אוּמְקֶערִין דֶעם שָׁלִיחַ. וִוי נְבוּכַדְנֶצַר אִיז גִילָאפֶען פִיר טְרִיט. אִיז גִיקוּמֶען דֶער מַלְאָךְ גַבְרִיאֵל אוּנ הָאט אִיהם גִישְׁטֶעלְט. עֶר זָאל נִיט לוֹיפֶען וַוייטֶער. וָוארוּם רַבִּי יוֹחָנָן הָאט גִיזָאגְט וֶוען דֶער מַלְאָךְ גַבְרִיאֵל וָואלְט נִיט גִיקוּמֶען אִיהם אָפּ הַאלְטֶען עֶר זָאל נִיט גֵיין וַוייטֶער. נָאר עֶר וָואלְט נָאךְ מֶער גִילָאפֶען פַאר דֶעם כָּבוֹד וָואלְט דֶער זְכוּת פוּן נְבוּכַדְנֶצַר אַזוֹי גְרוֹיס גִיוֶועז. אַז וֶוען עֶר הָאט חָרוּב גִימַאכְט דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. וָואלְט פוּן דִיא יוּדִין גָאר נִיט גֶעבְּלִיבֶּען:

לן מאי בלאדן בן בלאדן אמרי בלאדן מלכא הוה ואשתני אפיה והוו כי דכלבא הוה יתיב בריה על מלכותא כי הוה כתב הוה כתב שמיה ושמיה דאבוה והיינו דכתיב (מלאכי א) בן יכבד אב ועבד אדוניו בן יכבד אב הא דאמרן ועבד אדוניו דכתיב (ירמיה נב) בחדש החמישי (בשבעה) [בעשור] להודש היא שנת תשע עשרה למלך נבוכדנאצר מלך בבל בא נבוזראדן רב טבחים עמד לפני מלך בבל בירושלים וישרוף את בית ה' ואת בית המלך (ע"ב) ומי סליק נ"נ לירושלים והכתיב (שם) ויעלו אותו (רבלתה) אל מלך בבל [רבלתה] וא"ר אבהו זו אנטוכיא רב חסדא ורב יצחק בר אבדימי חד אמר דמות דיוקנו היתה לו הקוקה על מרכבתו וחד אמר אימה יתירא היתה לו ממנו ודימה כמי שעומד לפניו אמר רבא טעין תלת מאה כודניאתא נרגא דפרזלא דשליטא בפרזלא שדר ליה נבוכדנאצר לנבוזראדן

הוה כתב שמיה ושמיה דאבוה. כדי שיתכבד אביו בכך נקרא שם אביו עליו שנקרא מרודך בלאדן דאי לאו הכי כתיב אלא מרודך בן בלאדן לא היה מתקרי עליה שמיה דאבוה דהכי כתבי כלאו איכתי פס"פ להכי כתב מרודך בלאדן: בחדש החמישי (בשבעה) בעשור לחדש. בא נבוזראדן רב טבחים עמד לפני מלך בבל בירושלים. אלמא נבוכדנאצר סליק לירושלים: ומי סליק. והכתיב בהאי פרשתא ויעלו צדקיהו אל המלך רבלתה אלמא ברבלה הוה: זו אנטוכיא. ואנטוכיא קי"ל דאינה מא"י: דמות דיוקנו. של נ"נ: הקוקה לו על מרכבתו. של נבוזראדן והיתה לו כמי שעומד לפניו ולכך כתיב בא נבוכדנאצר והיינו כבוד: טעין תלת מאה כודניאתא. משאוי שלש מאות פרדות: נרגא דפרזלא. פטישי ברזל: דשליטא בפרזלא. ברזל

לן מאי. פאר וואס האט מען אים גירופען בלאדן בן בלאדן זאגט דיא גמרא עס איז געוועזן א מלך בלאדן איז געענדערט געווארין זיין פנים אונ ער האט אויס געזעהן וויא א הונט. איז דער זוהן געזעסן אויף זיין קעניגרייך. אז דער זוהן פלעגט שרייבין. האט ער געשריבען זיין נאמען בראדך. צו זאמען מיט דעם פאטערס נאמען. בראדך בלאדן. וואס ער איז בן בלאדן: דער זוהן פון בלאדן. דאס איז וואס דער פסוק זאגט דער זוהן גיט כבוד צו זיין פאטער אונ דער קנעכט גיט כבוד צו זיין בעל הבית. דער זוהן גיט כבוד צוא זיין פאטער. אזוי וויא מיר האבען גזאגט. דאס איז בראדך בלאדן. אונ דער קנעכט גיט כבוד צו זיין בעל הבית אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דעם פינפטען חודש דעם צעהנטין טאג אין חודש דאס איז דער נייגצעהנטער יאהר ווען נבוכדנצר איז געווארין א מלך אין בבל. איז גיקומען נבוזראדן רב טבחים אונ האט זיך גישטעלט פאר דעם מלך פון בבל אין ירושלים אונ ער האט פאר ברענט דיא הויז פון גאט אונ דיא הויז פון מלך ווערט אויס פון דאנען אז נבוכדנצר איז געוועזן אין ירושלים) איז דען נבוכדנצר געוועזן אין ירושלים. עס שטייט דאך אין פסוק מען האט גיבריינגט דעם מלך צדקיהו פאר דעם מלך פון בבל אין דעם ארט רבלה. האט רבי אבהו געזאגט אז רבלה איז אנטוכיא. ואגב אנטוכיא איז גאר נים פון ארץ ישראל: זעהן מיר אז נבוכדנצר איז געוועזן אין רבלה נים אין ירושלים. רב חסדא אונ רב יצחק בר אבדימי קריגען אין דעם. איינער זאגט דיא צורה פון נבוכדנצר איז געוועזן גימאלט אין דיא קארעטע פון נבוזראדן. אונ אז נבוזראדן איז גיקומען מיט זיין קארעטע אין ירושלים. איז ביי נבוזראדן געוועזן גלייך ווי נבוכדנצר אליין וואלט גיקומען אין ירושלים אונ ער וואלט גישטאנען פאר נבוכדנצר (ווען מיר דעם כבוד וואס דער קנעכט נבוזראדן האט געגעבין צוא זיין האר נבוכדנצר). אונ איינער זאגט אז נבוזראדן האט אזוי שטארק מורא געהאט פאר נבוכדנצר. וואו נבוזראדן איז געשטאנען איז ביי אים גלייך גיוועזן וויא ער וואלט גישטאנען פר נבוכדנצר. רבא זאגט דריי הונדערט אייזלין וואס האבען אויף זיך גיטראגען אייזערנע העק וואס זענען געוועזן אזוי שארף אז זייא האבען געקענט צו האקן אייזין האט נבוכדנצר געשיקט צו נבוזראדן. אונ אויף איין טויער פון ירושלים זענען צו בראכען געווארין דיא אלע העק. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ועתה פתוחיה יחד בכשיל וכילפות יהלומון. אונ איצט אויף איין טיר האט מען גיקלאפט מיט אלע העק אונ מיט אלע האמערס. אונ דיא טיר איז ניט צוא בראכען געווארין. האט נבוזראדן גוואלט אוועק גיין פון ירושלים צוריק אהיים. נבוזראדן האט געזאגט

לנבוזראדן וכולה בלעינהו חד דשא דירושלים שנאמר (תהלים עד) ועתה פתוחיה יחד בכשיל וכילפות יהלומון בעי למיהדר אמר מסתפינא דלא ליעבדו בי כי היכי דעבדו בסנחריב נפק קלא ואמיה שוור בר שוור נבוז־ארדן דמטא זימנא דמקדש חריב והיכלא מיקלי פש ליה חד נרגא אתא מחייה בקופא ואיפתח שנאמר (שם) יודע כמביא למעלה בסבך עץ קרדומות הוה קטיל ואזיל עד דמטא היכלא אדליק ביה נורא גבה היכלא דרכו ביה מן שמיא שנאמר (איכה א) גת דרך ה' לבתולת בת יהודה הוה קא זיחא דעתיה נפקא בת קלא ואמ־ה ליה עמא קטילא קטלת היכלא קליא קלית קימחא טחינא טחינת שנאמר (ישעיה מז) קחי רחים וטחני קמח גלי צמתך חשפי שובל גלי שוק עברי נהרות הטים לא נא־ר אלא קמח חזי דמיה דזכריה וגו':

לז ת"ר נעמן גר תושב היה נבוזראדן ג־ צדק היה מבני

תדיר הקולן כרזל אחד: בלעתינהו. לא בליעה ממש אלא שברם שהיו פטישיהם מתפוצצין בהכותם במפר לשוברו: פתוחיה יחד משמע על פתח אחד שלמו כל הכשילין והכילפות יחד ולא הועיל כלום: שוור בר שוור. דלג בר דלג קום וכבש ירושלים [לנבוזראדן קאמר]: שוור נבוזראדן. דלג נבוזראדן ל"א שוור בר שוור מדלג בר מדלג קפצת פעם אחת עם סנחריב ועכשיו פעם שניה: בקופא. מגב הפטיש לא מחודו כמו קופא דמר טא: יודע כמביא למעלה. תפיה היא יודע לפניך אותו סבך עץ קרדומות שהיכה בו את ירושלים כאילו הביאו למעלה לכסא הכבוד: גבה היכלא. ונקם נעלות לרקיע: דרכו ביה מן שמיא. והשפילוהו: אתא דעתיה מתגאה (בעצמו) על שהיה מצליח: עמא קטילא. שכבר נגזר עליה"ם על כך: וטחני קמח. וטחני הטין לא נאמר אלא קמח באינו צריך טחינה: למתך מקום שהקלועים צומחין בלד כראש: שובל. קלע הראש דומין לשבלים: גלי שוק עברי נהרות. פורענות זה היה אומר הקב"ה לישראל לכו וטן נו קמח כלומר טחונים אתם כבר לקמח ותחזרו לריחייכ עדיין ותגלו [קילעי ראשיכם ושוקיכם ותלכו בגלות]:

גר תושב שלא הכל עליו שאר מצות וקבל עליו שלא

איך האב מורא דיא יודין וועלין מאכען מיט מיר אזוי וויא זייא האבען גימאכט מיט סנחריב; איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גזאגט צו נבוזראדן. דוא ביסט איין מאהל גישפרונגען מיט סנחריב חרוב מאכען ירושלים אונ איצט ביסטו גיקומען צוא שפרינגען נאך אמאהל חרוב מאכען ירושלים. ווארום איצט איז גיקומען דיא צייט דער בית המקדש זאל חרוב ווערין אונ דער היכל זאל פאר ברענט ווערין. עס איז נאך געבליבען בייא נבוזראדן איין האק. האט נבוזראדן גינומען דיא האק אונ האט אקלאפ גיטאהן מיט דיא גראגע זייט (ניט מיט דעם שארף) אויף אטויער. האט זיך דער טויער גיעפינט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט גיבעטין פאר גאט יודע כמביא למעלה בסבך עץ קרדומות. עס זאל דר וואוכט ווערין פר דיר די האק וואס מען האט מיט אים צו בראכען דעם אונטערשטין בית המקדש. גגליך וויא מען וואלט איר גיבריינגט אין דער הייך אין הימעל אונ מען וואלט מיט איר צו בראכען דעם אובערשטין בית המקדש. האט נבוזראדן גיהרגת פון דיא יודין ביז ער איז גיקומען צום היכל. האט ער אין גיצונדען פייער אין היכל: האט דער היכל זיך אויף גיהויבין אונ האט גיוואלט ארויף גיין אין הימעל. האט מען אטרעט גיטאהן פון הימעל אויף דעם היכל אונ מען האט איהם צוריק אראפ גישטויסען אויף דער ערד. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גת דרך ה' לבתולת בת יהודה. גאט האט גיטרעטין אויף דעם בית המקדש פון יהודה אזוי וויא מען טרעט ווייטרויבין אין אקעלטער. איז נבוזראדן ביי זיך גרויס גיווארין פון דער הצלחה וואס ער האט גיהאט איין צו נעמען דיא יודין מיט דעם בית המקדש. איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל. אונ האט גיזאגט צו איהם אגיהרגטע פאלק האסטו גיהרגת. אפאר ברענטין בית המקדש האסטו פאר ברענט. גימאלענע מעהל האסטו גימאהלין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נעם מיהל שטיינער אונ מאל מעהל. דעק אפ דעם פארדעקונג פון דיין פנים. דעק אפ די טריט פון דיינע פים צו גיין בארוועס. אונ דעק אויף דיינע קליידער ביז איבער די קניא ווייל דו וועסט דארפין אריבער גיין די טייכען וואס וועלין זיין אין וועג ווען איר וועט גיין אין גלות. עס שטייט ניט ער זאל מאלין ווייץ. נאר ער זאל מאהלין מעהל [אזוי זאגט דער נביא אויף די מענטשין פון בבל]:

לז תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט נעמן איז גיוועזען אגר תושב ווער האט זיך

מבני בניו של סיסרא למדו תורה בירושלים מבני בניו של סנחריב לימדו תורה ברבים ומאן נינהו שמעיה ואבטליון מבני בניו של המן למדו תורה בבני ברק (ומנו רב שמואל בר שילת) ואף מבני בניו של אותו רשע בקש הקב"ה להכניסן תחת כנפי השכינה אמרו מ"ה לפני הקב"ה רבש"ע מי שהחריב את ביתך ושרף את היכלך תכניסם תחת כנפי השכינה היינו דכתיב (ירמיה נא) רפאנו את בבל ולא נרפתה עולא אמר זה נ"נ ר' שמואל בר נחמני אמר אלו נהרות בבל ותרגומא ציניתא דבבל:

לח אמר עולא עמון ומואב שיבבי בישי דירושלים הוה כיון דשמעינו לנביאי דקא מתנבי לחורבנא דירושלים שלחו לנ"נ פוק ותא אמר מסתפינא דלא לעבדן לי כדעבד בקמאי שלחו ליה (משלי ז) כי אין האיש בביתו ואין איש אלא הקב"ה שנא' (שמות טו) ה' איש מלחמה שלח להו בקריבא הוא ואתי שלחו ליה הלך בדרך מרחוק שלח להו אית בהו צדיקי דבעו רחמי ומייתי ליה שלחו ליה

צרור

לעבוד ע"ז : של אותו רשע . נ"נ : רפאנו ולא נרפתה . שהיה הקב"ה מבקש לרפאותן להכניס מבני בניו תחת כנפי השכינה : אלו נהרות בבל . שהם רעים לשתות : ציניתא דבבל . [דקלים מרים הן שעומדים בנהרות ל"א] דקלים רעים של נהרות בבל שאין נושאין פירות לפי שהמים רעים הן לגדל פירות (בגיטין) [בכתובה דף מו] אמרינן קופא הוא דאמריתו הני ציניתא דבבל משמשת ימי בראשית איתנהו ונכרא דהתם הנהו ציניתא מי מריה מינהו: שיבבי. שכנים : פוק ותא. לך ממקומך ובא אל אי ותכבשנה: כי אין האיש. מקרא הוא במשלי : בקריבא הוא . בקרוב הוא ויבא בעם דהקם לפי דרכו של מקרא זה שהם באו לו שומעין אנו שהוא השיבם ככה : צרור הכסף לקח בידו :

נאָר מגייר געוועזן ער זאָל ניט דינען עבודה זרה . אָבער צו אַלע זאַכען איז ער געוועזן אַגוי) אונ נבוזראדן איז געוועזן אַגר צדק ווער איז געוואָרין איוד וויא אַלע יודין) . דיא אייניקלאך פון סיסרא האָבען געלערונט תורה אין ירושלים . די אייניקלאך פון סנחריב האָבען געלערונט תורה מיט פיל תלמידים . דאָס זענען געוועזן שמעיה אונ אבטליון . דיא אייניקלאך פון המן האָבען געלערונט תורה ביי די בני ברק . אונ די אייניקלאך פון דעם רשע נבוכדנצר האָט אויך גאָט געוואָלט אַריין נעמען אונטער זיינע פליגעל . זייא זאָלין זיך מגייר זיין אונ זאָלין לערנען תורה . האָבען דיא מלאכים גזאָגט פאר גאָט . רבונו של עולם דער וואָס האָט חרוב געמאַכט דיין הויז אונ האָט פאר ברענט דיין היכל זאָלסטו זיינע קינדער אַריין ברייננען אונטער דיינע פליגעל ; דאָס איז וואָס עס שטייט אין פסוק רפאנו את בבל . מיר האָבען געמיינט אַז גאָט וועט היילין בבל ; עולא זאָגט דאָס מיינט מען נבוכדנצר ומיר האָבען געמיינט אַז גאָט וועט אַריין נעמען פון נבוכדנצרס קינדער אונטער זיינע פליגעל) . בבל איז אָבער ניט געהיילט געוואָרין , דיא מלאכים האָבען ניט געלאָזין גאָט זאָל זיי אַריין נעמען אונטער זיינע פליגעל . רבי שמואל בר נחמני זאָגט דאָס מיינט מען די טייכן פון בבל זענען ניט געהיילט געוואָרין דיא וואַסער איז געוועזן שלעכטע צום טרינקען אונ זענען געבליבען שלעכטע . דאָס מיינט מען דיא שלעכטע טייטל בוימער פון בבל וואָס וואַקסען נעבין וואַסער . זייא מאַכען קאַליע דאָס וואַסער :

לח אמר . עולא האָט גזאָגט עמון אונ מואב זענען געוועזן שלעכטע שכנים פון ירושלים ; אַז זייא האָבען געהערט די נביאים זאָגן נביאות אַז ירושלים וועט חרוב ווערין . האָבען זיי געשיקט צו נבוכדנצר גיי אַרויס פון בבל אונ קום אַיין נעמען ירושלים . האָט נבוכדנצר גזאָגט איך האָב מורא פאר זייער גאָט ער זאָל ניט טאָהן מיט מיר אַזוי וויא ער האָט געטאָהן מיט די פריערדיגע מלכים וואָס זענען געקומען חרוב מאַכען ירושלים . האָבען זייא געשיקט צוא נבוכדנצר כי אין האיש בביתו . איש מיינט מען גאָט . אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק ה' איש מלחמה . גאָט איז נישטא אין בית המקדש . האָט נבוכדנצר צו זייא געשיקט גאָט איז גאָנץ פון זייא . אַז איך וועל וועלין חרוב מאַכען ירושלים וועט ער באַלד קומען . האָבען זייא געשיקט צוא נבוכדנצר . גאָט איז פון דיא יודין ווייט אַוועק געגאַנגען . האָט נבוכדנצר צוא זייא געשיקט עס איז דאָ צדיקים צווישען דיא יודין זייא וועלין תפלה טאָהן וועלין זייא צוריק ברייננען גאָט . האָבען זייא געשיקט צו נבוכדנצר דעם צרור הכסף האָט גאָט מיט גענומען וכסף

(משלי ז) צרור הכסף לקח בידו ואין כסף אלא צדיקים שנאמר (הושע ג) ואכרה לי בחמשה עשר כסף ותומר שעורים ולתך שעורים שלח להו הדרי רשיעי בתשובה ובעו רחמי ומייתו לי' שלחו ליה כבר קבע להן זמן שנאמר (משלי ז) ליום הכסא יבא ביתו אין כסא אלא זמן שנא' (תהלים פא) בכסה ליום חגנו שלח להו סיתוא הוא ולא מצינא דאתי מתלגא וממטרא שלחו ליה תא אשינא דטורא שנא' (ישעיה טז) שלחו כר מושל ארץ מסלע מדברה אל הר בת ציון שלח להו אי אתינא לית לי דוכתא דיתיבנא ביה שלחו ליה קברות שלהם מעולין מפלטירין שלך דכתיב (ירמיה ח) בעת ההיא נאם ה' יוציאו את עצמות מלכי יהודה וגו' ושטחום לשמש ולירח ולכל צבא השמים אשר אהבום

צדיקים שבהם מתו: ואכרה לי בחמשה עשר כסף. עדיין אותם ממגרים בט"ו בניסן: כסף יחותר שעורים ולתך שעורים. בזכות צדיקים שנקראים כסף הומר שלשים סאים ולתך ט"ו כאן אלו מ"ה צדיקים שהעולם מתקיים עליהם בחולין בפ' גיד הנשה פעמים שלשים כאן וט"ו בא"י ופעמים שט"ו כאן ושלשים בא"י ובמס' חולין היכא דקא מפרש האי קרא בצדיקייא (איירי) [אמרי] אין כסף אלא צדיקים וכן הוא אומר צרור הכסף לקח בידו: כבר קבע להם זמן. שלא יבא עד ע' שנה שתשלום גלות בבל: מתלגא ומטרא. מחמת שלגים ומטרות: הא אשינא דטורא. בא דרך תחתית ההרים וההרים יגינו עליך מן השלגים ומן המטרות: שלחו כר מושל ארץ. שלחו שליח אל נבוכדנצר שהיה מושל [ארץ] שיבא אל הר בת ציון דרך הסלעים וההרים: לית לי דוכתא. לא יהיה לי מקום שיבואתיו של ירושלים לישב בו אני וחיילי במקום מכוסה מפני הגשמים: קבריהם. של ישראל ומערות שלהם סביב לירושלים ובהן אתה וחייליך יכולין לישב: יוציאו את עצמות מלכי יהודה. שעתידין להשליך מהן עצמות שנקברו;

מיינט מען צדיקים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ואכרה לי בחמשה עשר. איך האב געקויפט דיא יודין צוא מיר (איך האב זייא אויס געלייזט פון מצרים) דעם פופצעהנטען טאג אין ניסן. אין דעם זכות פון דיא צדיקים וואס זייא ווערין גירופען כסף (כסף איז טייטש גלוסטין. גאט גלוסט צוא דיא צדיקים. אונ דיא צדיקים גלוסטין צוא גאט) חומר שעורים. מיינט מען דרייסיג צדיקים. ולתך שעורים מיינט מען פופצעהן צדיקים. דאס זענען פינף אונ פערציג צדיקים וואס דיא וועלט שטייט דורך זייער זכות. דיא צדיקים האט שוין גאט גינומען צו זיך. זייא זענען שוין געשטארבען. האט נבוכדנצר צוא זייא געשיקט דיא רשעים ווען תשובה טאהן אונ זייא ווערין בעטין וועלין זייא צוריק בריינגען גאט. האבען זייא געשיקט צוא נבוכדנצר גאט האט אויס גיזעצט אצייט ער זאל ניט קומען ביז זיבעציג יאהר. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ליום הכסא יבא ביתו (כסא איז דער טייטש אצייט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בכסה ליום חגנו. דעם אויס גיזעצטין טאג צו אונזער יום טוב) צוא דער אויס געזעצטער צייט וועט גאט צוריק קומען אין זיין הויז. אבער ניט פריער. האט נבוכדנצר צוא זייא געשיקט עס איז ווינטער איך קען ניט קומען דורך דעם שנייא אונ רעגין. האבען זייא געשיקט צוא נבוכדנצר גייא אונטער דיא בערג. וועלין דיא בערג אויף דיר פאר שטעלין. עס זאל ניט גיין אויף דיר קיין רעגין אונ קיין שנייא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שלחו כר עמון אונ מואב האבען געשיקט אשירית. מושל ארץ. צוא נבוכדנצר וואס ער גיוועלטיגט אויף דעם לאנד בבל. מסלע מדברה אל הר בת ציון. ער זאל קומען אין ציון דורך דיא שטיינער וואס זענען אין דער מדבר. האט נבוכדנצר געשיקט צו זייא אז איך וועל קומען וועל איך ניט האבען קיין בדעקטין ארט ארום ירושלים וואו איך זאל זיצען מיט מיין חיל. עס זאל אויף אונז ניט קומען דער רעגין אונ דער שנייא. האבין זייא געשיקט צו נבוכדנצר זייערע קעלערס וווא זייערע מתים זענין בגראבין זענען בעסער וויא דיינע פאלאצין. דארט אין דיא קעלערס וועסטו קענען זיצען מיט דיין חיל דעם ווינטער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט אין דער צייט וועט מען ארויס נעמען די ביינער פון דיא מלכים פון יהודה אונ מען וועט זייא פאר שפרייטין געגין דיא זוהן אונ געגין דיא לבנה אונ געגין אלע שטערין פון הימעל וואס דיא יודין האבין זייא ליב גיהאט צו דינען אונ וואס דיא יודין זענען גיגאנגען נאך זייא נווארום נבוכדנצר וועט ארויס נעמען אלע מתים פון דיא קעלערס ער זאל האבין אארט אין דיא קעלערס וווא צו וואוגען מיט זיין חיל אום ווינטערו. רב נחמן האט גזאגט צו רב יצחק טאמער ווייסטו ווען בר נפלי וועט קומען. האט רב יצחק גזאגט ווער איז דאס דער בר נפלי. האט רב נחמן גזאגט דאס איז משיח. האט רב יצחק גזאגט צו

אהבום וגו' ואשר הלכו אחריהם. א"ל רב נחמן לרב יצחק מי שמיע לך אימת אתי בר נפלי א"ל מאן בר נפלי א"ל משיח ומשיח בר נפלי קרית ליה א"ל אין דכתיב (עמוס ט) ביום ההוא אקים (דף לז) את סכת דוד הנופלת:

לט א"ל הכי א"ר יוחנן דור שבן דוד בא בו ת"ח מתמעטין והשאר עיניהם כלות ביגון ואנחה וצרות רבות וגזרות קשות מתחדשות עד שהראשונה פקודה שניה ממהרת לבא. ת"ר שבוע שבן דוד בא בו שנה ראשונה מתקיים מקרא זה (עמוס ד) והמטרתי על עיר אחת ועל עיר אחת לא אמטיר שניה חצי רעב משתלחין שלישית רעב גדול ומתים אנשים ונשים וטף חסידים ואנשי מעשה ותורה משתכחת מלומדיה ברביעית שובע ואינו שובע בחמישית שובע גדול ואוכלין ושותין ושמחין ותורה חוזרת על לומדיה בששית קולות ובשביעית מלחמות במוצאי שביעית בן דוד בא אמר רב יוסף הא כמה שביעיות דהוה כן ולא אתא אמר אביי בששית קולות בשביעית מלחמות מי הוה ועוד כסדרן מי הוה. (תהלים פט) (אשר חרפו אויביך ה' אשר חרפו עקבות משיחך

שנאמר בעת ההיא וגו': [אימת אתי בר נפלי]: איידי דאמרינן גזול הכבש לקח בידו שנתמעטו הצדיקים קא מיירי נמי במשיח וקאמר שתלמידים מתמעטין ואיידי דאמרינן דוהכי האמת נעדרת אייתו הא דהשתא אמרה דשמיה קושטא: את סכת דוד הנופלת. מלכות דוד שנפלה להכי קרי משיח בר נפלי:

עד שהראשונה פקודה. עד שלא כלתה צרה ראשונה שניה ממהרת לבא. פקודה כמו לא נפקד: שבוע. שמטה: והמטרתי על עיר אחת. שיהא מטר מטר ויהא רעב במקום זה ושובע במקום זה: חצי רעב. רעב מעט שלא יהיה שובע בשום מקום: משתכחת מלומדיה. מתוך שאין להם מה לאכול: בששית קולות. יאמרו קולות שבן דוד בא. נ"א קולות מתקיעות שופר שנאמר יתקע בשופר גדול: מלחמות. בין עכו"ם לישראל: דהוה הכי. שנה אחת רעב שנה אחת שובע ואף ע"פ כן לא בא בן דוד: בששית קולות מי הוה. כלום יאמרו קולות שבן דוד בא: ועוד כסדר מי הוה. כלומר אלו הצרות דקתני הכא כסדרן לא אתרמו בשבוע אחד אבל כי אתרמי אתי משיח: אשר חרפו ה' אשר חרפו

רב נחמן משיח רופסטו בר נפלי (דער געפאלענער). האט רב נחמן געזאגט יא משיח הייסט דער געפאלענער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אין דעם טאג וועל איך אויף שטעלין די סוכה פון דוד (דאס איז דער בית המקדש) וואס איז געפאלען. אונ וויל דער בית המקדש וועט זיין געפאלען ביז משיח וועט קומען. דריבער רופט ער משיחן אויך דער געפאלענער:

לט אמר. האט רב יצחק געזאגט צו רב נחמן אזוי האט געזאגט רבי יוחנן דער דור וואס משיח וועט צו אים קומען. וועלין זיין ווייניג תלמידי חכמים. אונ די איבעריגע מענטשין וועלין זייערע אויגען פאר רעגדט ווערין פון טרויער אונ פון זיפצונג אונ פיל צרות אונ שלעכטע גזרות וועלין קומען אלע טאג נייע. איידער די ערשטע צרה וועט אוועק גיין וועט שוין אן קומען די אנדערע צרה. די רבנן האבען געלערנט זיבען יאהר פריער איידער משיח אליין וועט קומען וועט אזוי זיין. דעם ערשטין יאהר וועט מקוים ווערין דער פסוק אויף איין שטאט וועל איך מאכען רעגענען. אונ אויף איין שטאט וועל איך ניט מאכען רעגענען. דעם אנדערין יאהר וועט זיין הונגער. דעם דריטען יאהר וועט זיין אגרויסער הונגער. אונ עס וועלין שטארבען מאנען אונ ווייבער קינדער אונ קליינע קינדער אונ חסידים אונ פרומע מענטשין אונ די תורה וועט פאר געסין ווערין פון די לומדים ווייל עס וועט זיין אגרויסער הונגער אונ יעדער וועט גיין זוכין אשטיקל ברויט. וועט מען ניט לערנען תורה. דעם פערטין יאהר וועט שוין בעסער זיין מען וועט זיין זאט אונ ניט זאט. דעם פינפטען יאהר וועט זיין אגרויסע זעט מען וועט עסין אונ טרינקען אונ מען וועט זיך פריי.ען. אונ די לומדים וועלין ווייטער לערנען תורה. דעם זעקסטין יאהר וועט מען הערין קולות פון שופר בלאזין. דיים זיבעטין יאהר וועלין די יודין מלחמה האלטען מיט די גוים. אין סוף זיבעטין יאהר וועט קומען משיח. רב יוסף זאגט עס איז שוין פיל מאהל גיוועזען אזעלכע זיבען יאהר אונ משיח איז ניט גיקומען. האט אביי גזאגט צו רב יוסף איז דען גיוועזען דעם זעקסטין יאהר קולות פון שופר בלאזין. אונ איז דען גיוועזען דעם זיבעטין יאהר מלחמות יודין מיט גוים. אונ זענין דען גיוועזען די אלע צרות כסדר אזוי וויא זיי שטייען דא גירעכונט. נאר אז מען וועט זעהן זיבען יאהר וועט זיין כסדר אזוי ווי דא שטייט זאל

משיחך) תניא רבי יהודה אומר דור שבן דוד בא בו בית הועד יהיה לזנות והגליל יחרב והגבלן (ישתומם) [יאשם] ואנשי (גליל) [גבול] יסובבו מעיר לעיר ולא יחוננו והכמת הסופרים תסרח ויראי חטא ימאסו ופני הדור כפני הכלב והאמת נעדרת שנא' (ישעיה נט) ותהי האמת נעדרת (וסר מרע משתולל) מאי ותהי האמת נעדרת אמרי דבי רב מלמד שנעשית עדרים עדרים והולכת לה מאי (שם) וסר מרע משתולל אמרי דבי רבי שילא כל מי שסר מרע משתולל על הבריות:

מ אמר רבא מריש הוה אמינא ליכא קושטא בעלמא אמר לי ההוא מרבנן ורב טבות שמו ואמרי לה רב טביומי שמיה דאי הוו יהבי ליה כל חללי דעלמא לא הוה משני בדיבוריה זימנא חדא איקלע להוא אתרא וקושטא שמיה ולא הוו משנו בדיבורייהו ולא הוו מיית איניש מהתם בלא זימניה נסיבי אתתא מנהון והוו לי הרתין בנין מינה יומא חד הוה יתבה דביתהו וקא חייפא רישא אתאי שיבבתא טרפא אדשא סבר לאו אורח ארעא אמר לה ליתא הכא שכיבי ליה

פירוש

עקבות משיחך. לא הפרש הלי קרא למאי איכתיב הכא דהא לא קא דריש ביה מידי ונראה למורי שכך נכתב בספרים שהלה כמו שבינו בפרק אחרון דסוטה בעקבות משיחא חוצפא יסגי וכהנו פירוש זה על בעקבות שסוף לשון כיף כמו אשר חרפו עקבות משיחך: בית הועד. מקום שת"ח מתוועדין שם ללמוד תורה: והגבלן. מקום שבמו יך ישתומם: ואנשי הגבול אנשי גבול א"י ל"א אנשי גזית סנהדרין: כפני הכלב. דדמיין ממש לכלב. מ"ר. לשון אחר כפני הכלב שלא יתביישו זה מזה: משתולל על הבריות. כל העולם אומרים עליו שוטה הוא והיינו משתולל לשון שטות כמו מוליך יועצים שולל:

ליכא קושטא בעלמא. אין אדם בעולם שידבר אמת תמיד: אמר לי ההוא מרבנן דאי יהבי ליה כל חללי דעלמא לא משני בדיבוריה. לשקרא ואשתעי לי זימנא חדא איקלעי להוות אתרא וקושטא שמיה: טרפא אדשא. שכיבה שואלה אותה:

מען וויסען אז אין סוף זיבעטין יאהר וועט קומען משיח:

מיר האבין גילערנט רבי יהודה זאגט דער דור וואס משיח וועט צו אים קומען וועט אזוי זיין. דיא הויז וואס חכמים פלעגין זיך דארט פאר זאמלען וועט מען דארט מזנה זיין מיט זונות. אונ דיא גרויסע שטעט וועלין וויכט ווערין. אונ דער וואס פלעגט מאכען דיא גרענעצין וצו דער וייטערין מענטשין פון אעבירהו וועט ער אליין זיין פאר שולדיגט אין עבירות. אונ דיא מענטשין וואס וואוהנען ביי די גרענעצין פון ארץ ישראל וועלין ארום גיין פון שטאט צו שטאט אונ מען וועט אויף זייא ניט רחמנות האבין. אונ דיא חכמה פון דיא מענטשין וואס לערנען תורה. וועט זיין פאר מיאוסט. אונ דיא מענטשין וואס האבין מורא צו טאהן אעבירה. וועלין זיין פאר מיאוסט: דער פנים פון דיא גרויסע לייט פון דעם דור. וועט זיין גירעכונט ביי דיא פראסטע מענטשין אזוי וויא דער פנים פון אהונט. אונ דער אמת וועט פעלין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ותהי האמת נעדרת. וואס איז דער טייטש נעדרת דבי רב האבין גזאגט דער פסוק לערונט אונז אז דער אמת וועט אוועק גיין פון דער וועלט סטאדעס וייז נעדרת איז לשון עדר: אסטאדע. דיא אמתה מענטשין וואס וועלין ניט קענעןליידין דיא פאלשקייט. וועלין סטאדעס ווייס אוועק גיין פון דיא שטעט צוא וואוהנען אפילו אין דער מדבר. וואס מיינט דער פסוק וסר מרע משתולל. דבי רבי שילא זאגין דער וואס וועט אפ קערין פון שלעכטם וועט ער אוים זעהן ביי די מענטשין ווי אמשוגענער:

מ אמר. רבא האט גיזאגט אמאהל פלעג איך זאגין עס איז ניטא איין מענטש אויף דער וועלט וואס זאל זאגין נאר אמת. האט צו מיר גיזאגט אלמדן זיין נאמען איז רב טבות. אנדערע זאגין זיין נאמען איז רב טביומי אפילו מען זאל איהם געבין דאס גאנצע גאלד אונ זילבער פון דער וועלט. וועט ער ניט ענדערין זיינע רייד צו זאגין אליגען. אונ ער האט מיר דער ציילט אמאהל בין איך גיקומען צו אארט וואס הייסט קושטא (אמת). אונ דיא מענטשין פון דער שטאט פלעגין ניט ענדערין זייערע רייד צו זאגין אליגען. אונ אין דער שטאט פלעגט ניט שטארבין א מענטש פאר זיין צייט. יעדער האט גילעבט ביז אין אלטע יאהרין. האב איך גינומען אווייב פון זייא. אונ איך האב גיהאט מיט איהר צווייא קינדער. אמאהל איז גיזעסין מיין ווייב אונ האט גיקעמט דעם קאפ. איז גיקומען אשכנה אונ האט גיקלאפט אין טיר. מען

ליה תיתין בנין אתו אינשי דאתרא לקמיה א"ל מאי האי אמר להו הכי הוה מעשה אמרו ליה במטותא מינך פוק מאתרין ולא תיגרי בהו מ תנא בהנך אינשי תניא רבי נהוראי אומר דיר שבן דוד בא בו נערים ילבינו פני זקנים וזקנים יעמדו לפני נערים ובת קמה באמה וכלה בחמותה ופני הדור כפני הכלב ואין הבן מתבייש מאביו . תניא רבי נחמיה אומר דור שבן דוד בא בו העזות תרבה והיוקר יעות והגפן יתן פריו והיין ביוקר ונהפכה כל המלכות למינות ואין תוכחה . מסייע ליה לר' יצחק דאר"י אין בן דוד בא עד שתתהפך כל המלכות למינות אמר רבא מאי קראה (ויקרא יג) כלו הפך לבן טהור הוא . ת"ר (דברים לב) כי ידין ה' עמו כי יראה כי אזלת יד ואפס עצור ועזוב אין בן דוד

נמו אורח ארעא . לומר היכן היא הולך ותייפס ריבא : ה"ג נערים ילבינו פני זקנים . כלומר יחרפו ויביישו אותם : וזקנים יעמדו בפני הנערים . לכבדם והיינו דאמרינן בעקבות המשיח חוצפא יסגי : בת קמה באמה . לחרפה ולביישה : היוקר יעות . מכובד שבהם יהא עותן ורמאי מ"ר . נ"א היוקר יעות שלא יכבדו זה את זה . יקר כבוד : והגפן יתן פריו . ואעפ"כ יהיה היין ביוקר שלא יהיה בפרי עצמו ברכה . נ"א שיהיו כולן רודפין אחר היין ומשתכרים ומתייקר אע"פ שרוב יין בעולם : כלו הפך לבן טהור הוא . כשפשט הנגע בכל העור כך כשנהפכה כל המלכות למינות תבא גאולה : כי ידין ה' עמו . להביא להם גאולה : כי יראה כי אזל יד . שתלך ותחזק יד של מסורות

זאל איהר עפ גען . זיא דארף צו מיין ווייב . האב איך גיטראכט עס איז ניט שיין אפרעמדער מענטש זאל אריין קומען אין שטוב ווען מיין ווייב קעמט דיא האר . האב איך גיזאגט צו דעם וואס האט גיקלאפט מיין ווייב איז ניטא . ווייל איך האב גיזאגט אליגען דריבער זענען ביידע קינדער גישטארבען . זענען די מענטשין פון שטאט גיקומען צו מיר אונ האבין גיפרעגט וואס איז גיוועזן אונזער עבירה וואס דיא קינדער זענען גישטארבין . האב איך זיי דער צוילט ווא דא איז גיוועזן . האבין זיי גיזאגט צו מיר מיר בעטין דיך גייא ארויס פון אונזער שטאט . אונ דוא זאלסט ניט אן רייצין דעם טויט אויף דיא מענטשין פון אונזער שטאט . ווארום ווייל דוא ביזט ניט אפ גערעט פון צו זאגין איגען . ועלין פון דיר זיך אפ לערנען נאך מענטשין צו זאגין ליגען . אונ זייא וועלין אויך שטארבין פאר דער צייט :

מיר האבין גילערונט רבי נהוראי זאגט דער דור וואס משיח וועט צו איהם קומען . דיא יונגע מענטשין וועלין פארשעמען די אלטע . אונ די אלטע מענטשין וועלין זיך אויף שטעלין פאר דיא יונגע צו געבין זיי כבוד . אטאכטער וועט אויף שטיין געגין איהר מוטער צו פאר שעמען זיא . אונ אשנור וועט אויף שטיין געגין איהר שוויגער צו פאר שעמען זיא . דר פנים פון דיא גרויסע לייט פון דעם דור . וועט זיין גירעכונט ביי דיא פראסטע מענטשין אזוי ווי דער פנים פון אהונט . אונ אזוהן וועט זיך ניט שעמען פאר זיין פאטער :

מיר האבין גילערונט רבי נחמיה זאגט דער דור וואס משיח וועט צו איהם קומען וועט זיין זייער פיל העזה בייא דיא מענטשין . אונ דער גרויסער מאן וואס אלע געבין איהם כבוד . וועט ער אויך פאר קרימען אונ וועט טאהן פאלשקייט . דער ווינשטאק וועט געבין זיין פרוכט ציינע טרויבין אזוי וויא אלע יאהר . פון דעסטוועגין ווין וועט זיין טייער . ווייל אלע וועלין טרינקען ווין ביז צום שיכור זיין . אונ אלע וועלין ווערין אפיקורסים אונ איינער וועט ניט שטראפין דעם אנדערין . דאס איז אזוי וויא רבי יצחק האט גיזאגט אז משיח וועט אנדערש ניט קומען ביז אלע וועלין ווערין אפקורסים . רבא זאגט דאס ווייסין מיר פון דעם פסוק בייא נגעים שטייט אז אין דיא הויט פון אמענטשין איז גיווארין צווייסער פלעק איז ער טמא . אונ אז דיא גאנצע הויט איז גיווארין ווייס . איז ער טהור . אז אלע וועלין ווערין אפקורסים וועט קומען משיח :

דיא רבנן האבין גילערונט עס שטייט אין פסוק כי ידין ה' עמו . גאט וועט משפטין זיין פאלק . ער זאל ברייגען צו זייא משיח . ווארום ער וועט זעהן עס גייט אויס דער כח פון יודין . אונ עס איז נישטא ווער עס זאל זייא אויף האלטין אונ העלפין . ווארום משיח וועט אנדערש ניט קומען ביז עס וועלין זיין פיל מוסרים וואס וועלין מסרין אונ ריידין שלעכטס פאר דעם מלך

אויף

דוד בא עד שירבו המסורות ד"א עד שיתמעטו התלמידים ד"א עד שתכלה פרוטה כן הכיס ד"א עד שיתיאשו מן הגאולה שנא' ואפס עצור ועזוב כביכול אין סומך ואין עוזר לישראל כי הא דר' זירא כי הוה משכח רבנן דמעסקי ביה אמר להו במטותא מינייכו לא תרח קוה דתנינא ג' באין בהיסח הדעת אלו הן משיח מציאה ועקרב :

מא אמר רב קטינא שית אלפי שני הוי עלמא וחד חרוב שנא' (ישעיה ב) ונשגב ה' לבדו ביום ההוא אביי אמר תרי חרוב שנאמר (הושע ו) יחיינו מיומים ביום השלישי יקימנו ונחיה לפניו תניא כותיה דרב קטינא כשם שהשביעית משמטת שנה אחת לז' שנים כך העולם משמט אלף שנים לז' אלפים שנה שנא' ונשגב ה' לבדו ביום ההוא ואומר (תהלים צב) מזמור שיר ליום השבת יום שכלו שבת ואומר כי

ומלשינות במלשינות : ויתמעטו התלמידים . שמחזיקין ידי ישראל להחזיק למוטב : שתכלה פרוטה מן הכיס . והיינו אזלת יד שיהיו בידים ריקניות : כביכול . כאלו יכולין לומר דבר זה כלפי מעלה : אין עוזר ואין סומך לישראל . שיהיו שפלים למאוד ואין עוזר וסומך [פי' יו מתיאשין מן הגאולה] : דמעסקי ביה . לידע מתי יבא : ועקרב . נושך האדם פתאום ·

חד חרוב . שאלף אחד יהיה חרוב חוץ מו' אלפים [אלו] דהיינו אלף שביעי : תרי . אלפים הוא חרב אלף ז' ואלף ח' יומו של הקב"ה אלף שנה שנה' כי אלף שנים בעיניך כיום אתמול : משמט ונעשה חרב . שכולו שבת : שהעולם משמט : הוי

אויף יודין . אַנדערע זאָגין משיח וועט אַנדערש ניט קומען ביז עס וועט זיין וויניג תּלמידי חכמים ; אַנדערע זאָגין משיח וועט אַנדערש ניט קומען ביז יודין וועלין אָרעם ווערין אַז זייא וועלין ניט האָבין אַגראָשין אין בייטעל . אַנדערע זאָגין משיח וועט אַנדערש ניט קומען סיידין יודין וועלין שוין רעכענען זייא וועלין קיין מאָהל ניט אויסגילייזט ווערין . אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק ואפס עצור ועזוב . אויב יודין וועלין זאָגין עס איז ניטאָ וועה עס זאָל אויף האַלטין אונ וועה עס זאָל זייא העלפין . זייא וועלין זיין אַזוי נידעריג ביי זיך · אַז זייא וועלין רעכענען זייא קענען שוין גאָר ניט גיהאָלפין ווערין . בייא דער צייט וועט קומען משיח ; אַז רבי זירא פלעגט טרעפין רבנן וואס שמועסין אַרום משיח ווען ער וועט קומען . פלעגט ער צו זייא זאָגין איך בעט פון אייך . איהר זאָלט ניט אָפּ לייגין זיין קומען אויף אַווייטע צייט . וואָרום מיר האָבין גילערנט דריי זאַכין קומען צו אַמענטשין ווען ער האָט ניט גיהאַט אין זינען דיא זאַך זאָל קומען . דאָס זענען די דריי זאַכין . משיח . אונ מען זאָל עפּעס אַזאַך געפינען . אונ אַעגדים זאָל בייסין אַמענטשין ומשיח וועט קומען פּלוצלונג . אַז מען וועט זיך שוין גאָר ניט ריכטען אויף איהם וועט ער קומען · ווייס מען דאָך ניט צו זאָגין ווען ער וועט קומען · נאָנט צו ווייט . אונ דאָס אַנדערע איז אַז איינער וועט זוכען אין די גאַסין צו געפינען אַזאַך . וועט ער ניט געפינען . נאָר אַמאָהל געפינט מען אַפילו מען זוכט ניט . אונ אַעגדים אַז ער קריכט צום בייסין אַמענטשין · קריכט ער גאַנץ שטיל . אונ פּלוצלונג גיט ער אַביס :

מא אָמר ; רב קטינא האָט גיזאָגט זעקס טויזענד יאָהר וועט זיין דיא וועלט . אונ דעם זיבעטין טויזענד וועט דיא וועלט ווערין וויסט . אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאָט וועט גיגרייסט ווערין אַליין . אין דעם טאָג עס וועט זיין אַטאָג וואס נאָר גאָט אַליין וועט זיין אויף דער וועלט . אונ אַטאָג פון גאָט איז טויזענד יאָהר . אַביי זאָגט צווייא טויזענד יאָהר וועט זיין דיא וועלט וויסט : אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער וועט אונז לאָזין לעבין פון צווייא טעג אונ צווייא טעג פון גאָט איז צווייא טויזענד יאָהר) אויף דעם דריטען טאָג וועט ער אונז אויף שטעלין אונ מיר וועלין לעבין פאַר איהם . זאָגט דיא גמרא מיר האָבין גילערנט אַזוי וויא רב קטינא האָט גיזאָגט אַזוי וויא שמטה זעקס יאהר זייעט מען דיא פעלדער : אונ דער זיבעטער יאָהר זענען אַלע פעלדער אונ גערטנער וויסט . אַזוי וועט זיין דיא וועלט אויך . זעקס טויזענד יאָהר וועט זיא שטיין . אונ דעם זיבעטין טויזענד וועט זיא זיין וויסט . אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאָט וועט גיגרייסט ווערין אַליין אין דעם טאָג . נאָך אַפסוק שטייט מזמור שיר ליום השבת . אַגיזאַנג צו דעם טאָג וואס ער איז אין גאַנצין שבת און וויא שבת איז

(שם ג) כי אלף שנים בעיניך כיום אתמול תנא דבי אליהו ששת אלפים שנה הוי עלמא ב' אלפים תהו ב' אלפים תורה ב' אלפים ימות המשיח (ע"ב) ובעונותינו שרבו יצאו מהם מה שיצאו א"ל אליהו לרב יהודה אחוה דרב סלא חסידא אין העולם פחות מפ"ה יובלות וביובל האחרון בן דוד בא א"ל בתחלתו או בס פו א"ל איני יודע כלה או אינו כלה א"ל איני יודע רב אשי אמר הכי א"ל עד הכא לא תסתכי ליה מכאן ואילך איסתכי ליה שלח רב חנן בר תחליפא לרב יוסף מצאתי אדם אחד ובידו מגלה אחת כתובה אשורית ובלה"ק אמרתי לו זו מנ ן לך א"ל לחילות של (רומי) [פרס] נשכרתי ובין גנזי (רומי) [פרס] מצאתיה וכתוב בה לאחר ארבעת אלפי' ומאתים וצ"א שנה לאחר

שנתא. העולם כך מתקיים: ב' אלפים תהו. שלא ניתנה עדיין תורה והיה העולם כתוהו ומאדם הראשון ועד שהיו לו לאברהם חמשים ושתים שנה איכא אלפים שנה כדמוכחי קראי וכשנשלמו אלפים שנה עסק אברהם בתורה שנא' ואת הנפש אשר עשו בחרן ומתרגמינן שעבידו לאורייתא בחרן ואמרינן בע"ז גמירי דהוית ההיא שעתא הוה אברהם בר חמשין ותרתין שנין: וב' אלפים תורה. מן הנפש אשר עשו בחרן עד אלפים ימות המשיח ארבעים ושמונה שנה עד שנולד יצחק וששים שנה משנולד יצחק עד שנולד יעקב הרי ק"ח וק"ל שהיו לו ליעקב כשבא למצרים הרי רל"ח ור"י שעמדו במצרים הרי תמ"ח ומשיצאו ממצרים עד שנבנה בית ראשון ת"פ דכתיב ויהי בשמונים שנה וארבע מאות שנה לצאת בני ישראל מארץ מצרים ויבן הבית לה' הרי תתקכ"ח ות"י שעמד בית ראשון כדמוכחי קראי ע"פ חשבון שנות המלכים ושבעים דגלות בבל וה"כ שעמד בית שני הרי תת"ק ותתקכ"ח הן אלפים פחות קע"ב וקע"ב קודם השלמת ארבע אלפים נחרב הבית ולסוף אותן קע"ב שלמו ב' אלפים תורה אוידי דאמר שני אלפים תוהו קאמר שני אלפים תורה אלא שתכלה תורה אחר ב' אלפים: ושני אלפים ימות המשיח. שלאחר שני אלפים של תורה היה דין שיבא משיח ויבטל שעבוד מישראל: אבל בשביל עונותינו שרבו. לא בא משיח לסוף ארבעה אלפים ויצאו מהן מה שיצאו שעדיין הוא מעוכב לבא: פ"ה יובלים. היינו ד' אלפים ומאתים והמשים שנה: בתחלתו. של יובל האחרון הוא בא או בסופו: כלה. זמן הזה קודם שיבא משיח או אינו כלה דבתוך היובל בסופו הוא בא: עד הכא לא תסתכי ליה. עד יובל האחרון אל תצפה לו (שיבא קודם) דודאי לא יבא קודם זמן זה: הסתכי ליה. חכה לו שיבא: אשורית. כתב שלנו שבא מאשור כדאמרן בחלק פרקין. לחיילות של (רומי) פרס

אײן טאג אלץ געשטערט: אזוי וועט זיין דיא גאנצע וועלט געשטערט אײן טאג. אונ דער טאג פון גאט איז טויזענד יאהר. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק טויזענד יאהר איז אין דיינע אויגען אזוי וויא נעכטיגער טאג וואס איז אוועק געגאנגען דבי אליהו האבין געלערנט זעקס טויזענד יאהר וועט שטיין דיא וועלט. דיא ערשטע צוויא טויזענד יאהר (דאס איז ביי אברהם אבינו) איז דיא וועלט געוועזן וויסט. עס איז ניט געוועזן קיין תורה. דיא אנדערע צוויי טויזענד יאהר (פון אברהם אבינו ביז דער אנדערער בית המקדש איז חרוב געווארין) האט מען געלערנט תורה: אונ דיא דריטע צוויא טויזענד יאהר איז דיא צייט משיח זאל קומען. אונ דורך אונזערע פיל זינד איז שוין אוועק געגאנגען פון דיא דריטע צוויי טויזענד יאהר וויא פיל עס איז שוין אוועק געגאנגען אונ משיח איז נאך ניט געקומען: אליהו האט געזאגט צו רב יהודה דער ברודער פון רב סלא חסידא דיא וועלט איז ניט ווייניגער וויא פינף אונ אכטציג יובלות. אין דעם לעצטין יובל וועט קומען משיח. האט רב יהודה געזאגט צו אליהו אין אנהייב פון דעם לעצטין יובל וועט ער קומען אדער אין סוף יובל. האט אליהו געזאגט איך וויים ניט. נאך האט רב יהודה געפרעגט ביי אליהו עס וועט זיך אויסלאזין דער לעצטער יובל אין גאנצען דער נאך וועט משיח קומען. אדער ער וועט קומען אין דיא לעצטע יאהרין פון יובל איידער דער יובל וועט זיך אויסלאזין. האט אליהו געזאגט איך וויים ניט. רב אשי זאגט אזוי האט אליהו געזאגט צו רב יהודה ביז דעם לעצטין יובל פון דיא פינף אונ אכטציג יובלות. זאלסטו גאר ניט האפין אז משיח וועט קומען. ווארום פאר דער צייט וועט ער געוויס ניט קומען. אז עס וועט שוין אוועק גיין דיא פינף אונ אכטציג יובלות. זאלסט דוא אנהייבין האפין אז משיח וועט קומען. רב חנן בר תחליפא האט געשיקט צו רב יוסף איך האב געטראפין א מענטשין אונ ער האט געהאלטין א מגלה דיא אותיות זענען געוועזן אשורית (אזוי וויא אונזערע אותיות) אונ דיא שפראכע איז געוועזן לשון הקודש. האב איך געזאגט צו דעם מענטשין פון וואנען האסט דו דיא מגלה. האט ער געזאגט איך האב מיך אמאהל פארדונגען צום חיל פון פרס. אונ צווישען דיא אוצרות פון פרס האב איך געפונען די מגלה. אונ אין דיא מגלה איז געשטאנען אז מען וועט אפ ציילען פיר טויזענד מיט צוויי הונדערט מיט איין אונ ניינציג יאהר פון דער צייט

לאחר בריאתו של עולם עולם יתום מהם מלחמות תנינים ומהם מלחמת גוג ומגוג והשאר ימות המשיח ואין הקב"ה מחדש עולמו אלא לאחר ז' אלפים שנה רב אחא בריה (דרבי אבא) [דרבא] אמר לאחר המשת אלפים שנה איתמר :

מב תניא רבי נתן אומר מקרא זה נוקב ויורד עד התהום (חבקוק ב) כי עוד חזון למועד ויפח לקץ ולא יכזב אם יתמהמה חכה לו כי בא יבא לא יאחר לא כרבותינו שהיו דורשין (דניאל ז) עד עדן עדנין ופלג עדן ולא כר' שמלאי שהיה דורש (תהלים פ) האכלתם לחם דמעה ותשקמו בדמעות שליש ולא כר"ע שהיה דורש (חגי ב) עוד אחת מעט היא

[פרק] השכרתי שהייתי נוטייר לאחר מהם : תנינים. דגים : והשאר ימות המשיח. שכלה השעבוד ומשיח בא : מחדש עולמו. נברא עולם חדש : (ויפח לקץ. דבור של קץ לא יכזב שיהיה בעתו) : נוקב ויורד עד התהום. מה התהום אין לו סוף כך אין אדם יכול לעמוד על סוף פסוק זה (וכי קא מפרש אימת קאמר) אם יתמהמה חכה לו דאין לו סוף : לא כרבותינו. אל הנפה נאותו קץ שהו רבותינו דורשין : עד עדן עדנין ופלג עדן. עידן כעידן הגלות של מצרים והיינו ד' מאות ב' עידנין היינו ח' מאות והיינו י"ב מאות ופלג עדן ב' מאות כך הכל אלף וד' מאות : והשקמו בדמעות שליש. פירוש שלשה שהיו בגלות מצרים דהיינו ג"פ ת' ושלשה שהיו בגלות בבל ג"פ ע' דהיינו ר"י כך הכל אלף ות"י וזה לכוון רש"י [כלומר השקה אותם הקב"ה בין גלות מצרים וגלות בבל שליש גלות אחרת כי קץ גלות אחרון זה יהיה לסוף ג"פ ת' שנה וג"פ ע' שנה כנגד גלות בבל דהיינו לסוף אלף וד' מאות ועשר שנים כבר עברו ולא היה כך מצאתי כתוב בשם הרב ר' שמואל בר דוד ז"ל] : אחת מעט היא. בנבואת חגי כתיב שהיה מתנבא

וואס דיא וועלט איז בשאפן געווארין . וועט דיא וועלט אויסגילאזין ווערין . עס וועט זיין אין די יאהרין כלחמות פון גרויסע פיש דאס מיינט מען גרויסע קייזערין ועלין מלחמה האלטין) עס וועט זיין דיא מלחמה פון גוג ומגוג . דער נאך וועט משיח קומען . אונ אז מען וועט אפ צייلען זיבען טויזענד יאהר . נאך די זיבען טויזענד יאהר וועט גאט בעניען דיא וועלט . רב אחא בריה דרבא זאגט מיר האבין גילערנט אז נאך פינף טויזענד יאהר וועט גאט בעניען די וועלט :

מב תניא . מיר האבין גילערנט רבי נתן זאגט דער פסוק רעכערט ביז צום אבגרונד . דס הייסט דער מענטש קען ניט קומען צום סוף פון דעם פסוק . אין פסוק שטייט עוד חזון למועד ומען וועט נאך אמאהל זעהן די צייט ויפח לקץ ואונ מען וועט נאך ריידין ווען דער סוף וועט זיין) . ולא יכזב ואונ עס וועט ניט זיין קיין לינגען) אם יתמהמה ואפילו משיח וועט זיך פאר זאמען צו קומען) . פון דעסטוועגין חכה לו וזאלסטו ווארטין אויף איהם) כי בא יבא ווארום ער וועט געוויס קומען) לא יאחר ער וועט ניט קומען שפעטער ווי די צייט זיינע איז צו קומען) . ביז ווי לאנג מען זאל ווארטין ווייס מען ניט . מען זאל ניט ווארטין צו דעם סוף וואס די רבנן דרשנן ביז עדן עדנין ופלג עדן . אזוי ווי די צייט פון מצרים ופיר הונדערט יאהר) . אונ נאך צוויי מאהל ווי די צייט פון מצרים (אכט הונדערט יאהר) . אונ נאך אהאלבין מאל ווי די צייט פון מצרים (צוויי הונדערט יאהר) . צו זאמען איז פערצעהן הונדערט יאהר . צו דער צייט וועט קומען משיח . זאל מען אויף דעם ניט רעכענן . נאר אפילו משיח וועט צו דער צייט ניט קומען . פון דעסטוועגין זאל מען נאך ווארטין . אונ ניט וויא רבי שמלאי האט גדרשת דעם פסוק האכלתם לחם דמעה ותשקמו בדמעות שליש . דוד המלך האט גיזאגט דוא האסט איהם גימאכט עסין ברויט מיט טרערין . אונ דו האסט איהם אן גיטרונקען מיט טרערין דריי מאל אזוי פיל ווי ער האט גיטרונקען אין גלות פון מצרים אונ אין גלות פון בבל . דר גלות פון מצרים איז גיוועזן פיר הונדערט יאהר . דריי מאהל פיר הונדערט איז צוועלף הונדערט . דר גלות פון בבל איז גיוועזן זיבעציג יאהר . דרייא מאהל זיבעציג איז צווייא הונדערט מיט צעהן . צו זאמען איז פערצעהן הונדערט יאהר . צו דער צייט וועט קומען משיח . זאל מען אויף דעם ניט רעכענען . נאר אפילו משיח וועט צוא דער צייט ניט קומען . פון דעסטוועגין זאל מען נאך ווארטען . אונ ניט וויא רבי עקיבא וואס ער דאט גידרשת דעם פסוק עוד אחת מעט היא אויף בן כוזיבא אז ער וועט זיין משיח . אונ אזוי האט רבי עקיבא גזאגט חגי הנביא האט נביאות גזאגט וואס עס וועט זיין נאך דעם וויא דער אנדערער בית המקדש וועט חרוב ווערין .

היא ואני מרעיש את השמים ואת הארץ אלא מלכות ראשונה ע' שנה מלכות שניה נ"ב ומלכות בן כוזיבא שתי שנים ומחצה מאי (חבקוק ב) ויפח לקץ ולא יכזב אמר רבי שמואל בר נחמני אמר רבי (יוחנן) [יונתן] תיפח עצמן של מחשבי קיצין שהיו אומרים כיון שהגיע הקץ ולא בא שוב אינו בא אלא חכה לו שנא' (שם) אם יתמהמה חכה לו שמא תאמר אנו מחכין והוא אינו מחכה ת"ל (ישעיה ל) לכן יחכה ה' לחננכם ולכן ירום לרחמכם וכי מאחר שאנו מחכים והוא מחכה מי מעכב מדת הדין מעכבת וכי מאחר שמדת הדין מעכבת אנו למה מחכים לקבל שכר שנא'

כשיצאו ישראל מגלות בבל ויבנה בה"מ והיינו עוד אחת מעט היא מעט כבוד אתן להם לישראל ואני מרעיש את השמים ואת הארץ והבאתי חמדת כל הגוים אל ירושלים ור"ע דריש ליה לימות המשיח ולאחר החרבן והכי דריש ליה עוד אחת מעט היא מעט כבוד אתן לישראל ואח"כ יבא המשיח ודרשה זו אינה אלא קרא אלפני הבית קאי וה"ק הכי מעט גדולה ומלכות אתן להם לישראל ושוב לא יהיה להם מלך כל ימות בית האחרון וכך היה דמלכות ראשונה של בית חשמונאי ע' שנה. ואע"ג דאמרינן בסדר עולם דמלכות בית חשמונאי ק"ג ומלכות הורדוס ק"ג עיקר כבודם ופארם שלא שלטה בהם אומה לא נתקיים כ"כ : (מלכות ראשונה) . ושניה של הורדוס כ"ב שנה ומלכות בן כוזיבא ב' שנים ומחצה ושוב לא היה להם מלך מ"ר וכל הנך דרשות לא משנה ולא ברייתא : ל"א עוד אחת מעט היא מעט מלכות אתן להם לישראל לאחר חרבן ולאחר אותו מלכות הנני מרעיש את השמים וארץ ויבא משיח ואין דרשה זו כלום שהרי ראינו כמה מלכות לישראל לאחר החרבן ואעפ"כ לא בא משיח שהמלכות הראשונה שהיתה להם לישראל אחר חרבן ע' שנה הורדוס כ"ב בן כוזיבא ב' ומחצה ובינתו בס"ע מפולמוס של אספסינוס עד פולמוס של טיטוס י"ב שנה ומפולמוס של טיטוס עד מלכות בן כוזיבא שבעה עשר שנים ומלכות בן כוזיבא שתי שנים ומחצה : בן כוזיבא . מלך בביתר : ויפח לקץ . תיפח נפשו של מחשב הקץ שלא היה לו לכזב ולומר כיון שהגיע וכו' : יחכה ה' . הוא עצמו

מחכה

עוד אַחַת עֶס װעט נאָך זַיין אֵיין גָלוּת. וּמְעַט הִיא. אָבֶּער אויף אַקוּרְצֶע צַייט נאָר אַבִּיסֶעל װעלין יוּדֶען לַיידִין צָרוֹת בִּיז בֶּן כּוֹזִיבָא װאָס עֶר אִיז מָשִׁיחַ װעט קוּמֶען. בַּיי דֶער צַייט װעל אִיךְ מַאכֶען שְׁטוּרֶעמֶען דִיא הִימֶעל אוּנ דִיא עֶרְד׃ אָבֶּער אִין אֶמֶת װעט בֶּן כּוֹזִיבָא נִיט זַיין מָשִׁיחַ. אוּנ חַגַּי הַנָּבִיא הָאט נִיט גִימֵיינְט דִיא צַייט װאָס עֶס װעט זַיין נאָך דֶעם װיא דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ װעט חָרוּב װערִין. נאָר עֶר הָאט גִימֵיינְט דִיא צַייט װען דֶער אַנְדֶערֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ װעט שְׁטֵיין אוּנ אַזוֹי הָאט עֶר גִזָאגְט עוֹד אַחַת. נאָך אַגְרוֹיסְקֵייט װעל אִיךְ גֶעבֶּן צוּ יוּדִין מְעַט הִיא. אָבֶּער אויף װֵיינִיג צַייט. דִיא עֶרְשְׁטֶע מְלוּכָה פוּן חַשְׁמוֹנָאִי װעט זַייעֶר כָּבוֹד נאָר זַיין זִיבֶּעצִיג יָאהר. דִיא אַנְדֶערֶע מְלוּכָה פוּן הוֹרְדוּס װעט זַיין כָּבוֹד נאָר זַיין צְװֵייא אוּנ פוּפְצִיג יָאהר דִיא מְלוּכָה פוּן בֶּן כּוֹזִיבָא װעט נאָר זַיין צְװֵיי יָאהר מִיט אַהַאלְבְּס. דֶער נאָךְ װעלִין שׁוֹין יוּדִין דַארְפִין װארְטִין בִּיז דִיא צַייט װען מָשִׁיחַ װעט קוּמֶען דַאמָאלְס װעל אִיךְ מַאכֶען שְׁטוּרֶעמֶען דִי הִימֶעל אוּנ דִיא עֶרְד. זָאגְט דִיא גְמָרָא װאָס מֵיינְט דֶער פָּסוּק וְיָפֵחַ לַקֵּץ וְלֹא יְכַזֵּב. רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָנִי הָאט גִזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹנָתָן װעגִין גִישְׁװָאלִין זָאלִין װערִין דִיא מֶענְטְשִׁין װָאס רֶעכֶענֶען דֶעם סוֹף װען מָשִׁיחַ דַארְף קוּמֶען. װָארוּם אַז זֵייא זֶעהִן דִיא צַייט פוּן זֵייעֶר רֶעכֶענוּנג אִיז גִיקוּמֶען. אוּנ מָשִׁיחַ אִיז נאָךְ נִיט גִיקוּמֶען זָאגִין זֵייא אַז מָשִׁיחַ װעט נִיט קוּמֶען. אוּנ זֵייא דַארְפִין אָבֶּער נִיט רֵייכֶענֶען אוּנ זָאגִין אַז מָשִׁיחַ װעט שׁוֹין נִיט קוּמֶען. נאָר מֶען דַארְף װַארְטִין. אַזוֹי װיא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אֲפִילוּ כְּשֶׁיִּתְמַהְמַהּ װעט פַאר זָאמֶען צוּא קוּמֶען פוּן דֶעסְטְװעגִין זָאלְסְטוּ װַארְטִין אויף אִיהם. טָאמֶער װֶעסְטוּ זָאגִין מִיר װַארְטִין מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען. אָבֶּער גָאט װַארְט נִיט. שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט װעט װַארְטִין װען װעט שׁוֹין קוּמֶען מָשִׁיחַ אוּנ מֶען זָאל שׁוֹין אויף אַייךְ רַחֲמָנוּת הָאבֶּען. אוּנ גָאט װעט דֶער הוֹיבִּין װערִין דוּרְךְ אַייעֶר רַחֲמָנוּת. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא אַז מִיר װַארְטִין אויף מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען אוּנ גָאט װַארְט אויף מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען. װער הַאלְט אויף מָשִׁיחַ זָאל נִיט קוּמֶען. דֶער מִדַּת הַדִּין הַאלְט אויף. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא אַז דֶער מִדַּת הַדִּין הַאלְט אויף עֶר זָאגְט מִיר זֶענִין נִיט װערְט מִיר זָאלִין אוֹיס גִילֵייזְט װערִין. צוּא װָאס הָאפִּין מִיר אַלֶע טָאג מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען. אַז מִיר זֶענִין נאָךְ נִיט בֶּעסֶער גִיװָארִין װעט עֶר דָאךְ נִיט קוּמֶען. עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא פַר דִי אֱמוּנָה װָאס מִיר גְלוֹיבִּין אַז מִיר װעלִין בֶּעסֶער װערִין װעט קוּמֶען מָשִׁיחַ. װעלִין מִיר הָאבִּין שָׂכָר. אַזוֹי װיא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק װאוֹיל צוּא דֶעם מֶענְטְשׁ װָאס הָאפְט אַז מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען׃

שנא' (סס) אשרי כל חוכי לו אמר אביי לא פחות עלמא מתלתין ושיתא צדיקי דמקבלי אפי שכינה בכל דרא שנא' אשרי כל חוכי לו לו בגימטרא תלתין ושיתא הוו איני והאמר רבא דרא דקמיה קב"ה תמני סרי אלפי פרסא הואי שנאמר (יחזקאל מח) סביב שמונה עשר אלף י"ק הא דמסתכלי באספקלריא המאירה הא דמסתכלי באספקלריא שאינה מאירה ומי נפישי כולי האי והאמר חזקיה א"ר ירמיה משום רבי שמעון בן יוחאי ראיתי בני עליה והם מועטין אם אלף הן אני ובני מהם וכו' עד אם שנים הם אני ובני הם לא קשיא הא דעיילי בבר הא דעיילי בלא בר:

הכא ומשתחוו בינא דביה: סביב י"ח אלף. בירושלים של מעלה מבהשי קרא בסיף יחזקאל: באספקלריא המאירה. בחוזק נגהו של הקב"ה אין מסתכלין אלא שלשים ושיה אבל בקלישות הנוגה לגדיין מרחוק מסתכלין כחות הרבה: ומי נפישי כולי האי. דלהוי ברור לן דל"ו הוו ולא פחות: וכא כרב"י. לא הוה ידע אם אלף הם אם מאה הם אם שנים הם: הא דעיילי בבר. שצריכין לטול רשות כשנכנסין להסתכל באספקלריא המאירה כגון לא פחותי מסלתין ושית אבל אותן הנכנסין בלא רשות מרוב לדקם בהנהו מספקא לן כמה הוו: בתשובה. אם כל ישראל הוזרו בתשובה יבא ואם לאו לא יבא: דיו לאבל שעומד באבלו. דיו להקב"ה בעומד (דימינו) [כמה ימים וימינו] אחור כלומר אם לא יעשו תשובה אינו עומד באבלו

מג אמר רב כלו כל הקיצין ואין הדבר תלוי אלא בתשובה ומעשים טובים ושמואל אמר דיו לאבל שיעמוד באבלו כתנאי רבי אליעזר אומר אם ישראל עושין תשובה נגאלין ואם לאו אין נגאלין א"ל רבי יהושע אם ישראל אין עושין תשובה אין

אביי זאגט: אין יעדער דור איז אויף דער וועלט דא ניט ווייניגער וויא זעקס און דרייסיג צדיקים וואס זייא זעהן דעם פנים פון דיא שכינה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אשרי כל חוכי לו. דער ווארט לו׳ בטרעפט זעקס און דרייסיג. וואהל צוא דיא זעקס און דרייסיג צדיקים וואס האפין צוא גאט. פרעגט דיא גמרא עס איז דאך ניט אזוי. רבא האט דאך גיזאגט דיא שורה צדיקים וואס שטייען פר גאט פאר נעמט אכטצעהן טויזענד מייל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק סביב שמונה עשר אלף. ארום איז אכטצעהן טויזענד. דאס מיינט מען דער ארט וואס דיא צדיקים שטייען ארום גאט איז גרוים אכטצעהן טויזענד מייל. זאגט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא דיא צדיקים וואס זעהן קלאר דעם פנים פון דיא שכינה. זענין נאר זעקס און דרייסיג. און דיא וואס זעהן דעם פנים פון דיא שכינה נאר ניט אזוי קלאר. זענין דא פיל צדיקים. פרעגט דיא גמרא און דיא צדיקים וואס זעהן קלאר דעם פנים פון דיא שכינה זענין דא אזוי פיל ביז זעקס און דרייסיג ניט ווייניגער. חזקיה האט דאך גזאגט פון רבי ירמיהם וועגין רבי שמעון בן יוחאי האט גזאגט איך האב גיזעהן דיא מענטשין וואס גייען ארויף גיזעהן ווערין פאר גאט און זייא זענין ווייניג נאר איך ווייס ניט וויא פיל. אויב זייא זענין טויזענד בין איך מיט מיין זון צווייא פון דיא טויזענד. און אפילו עס איז נאר צווייא: דיא צווייא זענין איך מיט מיין זוהן. זאגט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא. דיא צדיקים וואס דארפין געמען רשות אויב זייא זאלין אריין גיין פאר גאט. זענען דא ביז זעקס און דרייסיג. ניט ווייניגער. און דיא צדיקים וואס מעגין אריין גיין אן רשות. קען אמאהל זיין עס איז ניט מעהר דא נאר צווייא:

מג אמר: רב האט גזאגט אלע רעכענונגס האבין זיך שוין אויס גילאזט אויף משיחס קומען. און זיין קומען ווענדט זיך נאר אויב אלע יודין וועלין תשובה טאהן און וועלין טאהן מצות וועט משיח קומען. און אויב זייא וועלין ניט תשובה טאהן. וועט ער ניט קומען. און שמואל זאגט עס איז גינוג פאר דעם אבל זיינע אבלות. גענוג פאר דיא יודין דער צער פון גלות. דריבער אפילו זייא וועלין ניט תשובה טאהן וועט אויך משיח קומען. זאגט דיא גמרא תנאים קריגען אין דער זאך. רבי אליעזר זאגט אויב דיא יודין וועלין טאהן תשובה וועלין זייא אויס גילייזט ווערין. און אויב זייא וועלין ניט טאהן תשובה. וועלין זייא ניט אויס גילייזט ווערין. רבי יהושע. זאגט צו רבי אליעזר איך זאג אויך אזוי. וויא דוא אויב דיא יודין

אין נגאלין אלא הקב"ה מעמיד להן מלך שגזירותיו קשות כהמן ומחזירן למוטב. תניא אידך רבי אליעזר אומר אם ישראל עושין תשובה נגאלין שנא' (ירמיה ג) שובו בנים שובבים ארפא משובותיכם א"ל רבי יהושע והלא כבר נאמר (ישעיה נב) חנם נמכרתם ולא בכסף תגאלו חנם נמכרתם בע"ז ולא בכסף תגאלו לא בתשובה ומעשים טובים א"ל רבי אליעזר לרבי יהושע והלא כבר נאמר (מלאכי ג) שובו אלי ואשובה אליכם א"ל רבי יהושע והלא כבר נאמר (ירמיה ג) כי אנכי בעלתי בכם ולקחתי אתכם אחד מעיר ושנים ממשפחה והבאתי אתכם ציון א"ל ר"א והלא כבר נאמר (ישעיה ל) בשובה ונחת תושעון וגו' א"ל רבי יהושע לר' אליעזר והלא כבר נאמר (שם מט) כה אמר ה' גואל ישראל וקדושו לבזה נפש למתעב גוי ונוכר (דף לח) א"ל רבי אליעזר והלא כבר נאמר (ירמיה ד) אם תשוב ישראל נאם ה' אלי תשוב א"ל רבי יהושע והלא כבר נאמר (דניאל יב) ואשמע את האיש לבוש הבדים אשר ממעל למימי היאור וירם ימינו ושמאלו אל השמים וישבע בחי העולם כי למועד מועדים והצי וככלות נפץ יד עם קדש תכלינה כל

כל הימים אלא ודאי קץ לדבר ל"א דיו לאבל דיין לישראל צער גלות דאפילו בלא תשובה נגאלין: לא בכסף. לא בתשובה ומעשים טובים דאפי' אין עושין תשובה נגאלין משום דאמר חנם נמכרתם קרי כסף בלשון תשובה: בעלתי אתכם. משמש בעל כרחכם בלא תשובה: אחד מעיר. אברור הצדיקים ואביאם לציון אע"פ שאין כולם חוזרים: כה אמר ה' לבזה נפש למתעב גוי. אותן הבזויין ומתועבין בעבירות אעפ"כ יגאלו ומלכים יראו וקמו: כי למועד מועדים. אלמא יש קץ לדבר: וככלות נפץ יד עם קדש. כשתכלה תקומתם ותוקף ידיהם שהיתה נפוצה אילך ואילך גבורם ותועלת

וועלין ניט טאהן תשובה. וועלין זייא ניט אויס גילייזט ווערין. נאר זייא וועלין מוזין טאהן תשובה. גאט וועט אויף שטעלין אויף דיא יודין אמלך וואס ער וועט אויף זייא גוזר זיין שווערע גזירות וויא המן האט גיטאהן. וועלין דיא יודין מוזין גוט ווערין. נאך אין אברייתא האבען מיר גילערונט רבי אליעזר זאגט אויב דיא יודין וועלין טאהן תשובה. וועלין זיי אויס גילייזט ווערין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק קערט צוריק צו גאט איר ווילדע קינדער וועל איך היילין אייער ווילדקייט. האט רבי יהושע גזאגט עס שטייט דאך אין פסוק איר זענט אומזיסט פאר קויפט גיווארין: אונ איר וועט אויס גילייזט ווערין ניט פאר געלט. איר זענט פאר קויפט גיווארין אומזיסט: ניט פאר געלט. נאר וייל איר האט געדינט עבודה זרה. אונ ניט פאר געלט וועט איר אויס גילייזט ווערין: מען וועט ניט ווארטין ביז איר זאלט טאהן תשובה אויף אלע עבירות אונ איר זאלט טאהן מעשים טובים. אז איר וועט נאר טאהן תשובה אויף עבודה זרה אליין. וועט איר אויך אויס גילייזט ווערין. האט רבי אליעזר גזאגט צו רבי יהושע עס שטייט דאך אין פסוק קערט אייך צו מיר וועל איך מיך קערין צו אייך. זעהן מיר דאך אז גאט וויל זיך ניט קערין צו דיא יודין. ביז דיא יודין וועלין פריער תשובה טאהן. הט רבי יהושע גזאגט צוא רבי אליעזר עס שטייט דאך אין פסוק גאט זאגט כי אנכי בעלתי בכם. איך וועל ווערין אייער מאן. אונ איך וועל נעמען פון אייך איינעם פון אשטאט אונ צווייא פון אמשפחה ואיך וועל אויס קלויבין אבעסערע) אונ איך וועל אייך ברייננען אין ציון. אונ פון תשובה שמועסט מען גאר ניט: האט רבי אליעזר גזאגט צו רבי יהושע עס שטייט דאך אין פסוק בשובה ונחת תושעון. אז איר וועט טאהן תשובה צו גאט מיט נחת (מיט אייער גוטען ווילען) וועט איר גיהאלפען ווערין. האט רבי יהושע גזאגט צו רבי אליעזר עס שטייט דאך אין פסוק אזוי האט גזאגט גאט דער אויס לייזער פון דיא יודין אונ זיין היילינער צו דיא מענטשין וואס זענען פאר שעמט אונ פאר מיאוסט פון עבירות. פון דעסטוועגין וועלין זייא אויס גילייזט ווערין. זעהן מיר אז אן תשובה וועלין זייא אויך אויס גילייזט ווערין. האט רבי אליעזר גזאגט צוא רבי יהושע עס שטייט דאך אין פסוק יודין אויב איר ווילט אייך צוריק קערין. זאגט גאט זאלט איר צו מיר צוריק קערין. האט רבי יהושע גזאגט עס שטייט דאך אין פסוק דניאל האט גזאגט איך האב גיהערט וויא דער מענטש וואס איז גיוועזען אן גיקליידט אין דיא ווייסע קליידער וואס ער איז גיוועזען איבער דיא וואסער פון טייך אונ ער האט אויף גיהויבין זיין רעכטע האנט אונ זיין

כל אלה שתק רבי אליעזר וא"ר אבא אין לך קץ מגולה כזה שנאמר (יחזק"ל לו) ואתם הרי ישראל ענפכם תתנו ופריכם תשאו לעמי ישראל כי קרבו לבא ר' (אליעזר) [אלעזר] אומר אף מזה שנא' (זכריה ח) כי לפני הימים ההם שכר האדם לא נהיה ושכר הבהמה איננה וליוצא ולבא אין שלום מן הצר מאי ליוצא ולבא אין שלום מן הצר רב אמר אף תלמידי חכמים (שיש) [שכתוב] בהם שלום דכתיב (תהלים קיט) שלום רב לאוהבי תורתך אין להם שלום מפני הצר ושמואל אמר עד שיהיו כל השערים כולם שקולין:

מד א"ר חנינא אין בן דוד בא עד שיתבקש דג לחולה ולא ימצא שנאמר (יחזקאל לב) אז אשקיע

לפשוט אנה ואנה ואחר שתכלה גבורתם שיהיו שפלים למאוד: הכלינה. אלו הצרות ויבא משיח כדאמרינן כי אזלת יד: מגולה מזה. כשתתן ארץ ישראל פריה בעין יפה אז יקרב הקץ ואין לך קץ מגולה יותר: ר"א אומר אף מזה. מפסוק כשתראה שאין שום אדם משתכר ואף שכר בהמה לא נהיה והיינו כדאמרן עד שתכלה פרוטה מן הכיס אין מעות מצויות בכיס: שכר בהמה. עבודת האדמה שהיא ע"י בהמה איננה: וליוצא ולבא אין שלום. אז יבא משיח: שלום רב. והיינו ליוצא ולבא אלו ת"ח אותם שהיה דינם לצאת ולבא בשלום כדכתיב שלום רב לאוהבי תורתך אפילו להנהו אין שלום: מן הצר. מרוב הצרות לא"ה מילה"ר: שקולין. שוין שער התבואה ויין רווחים כדאמרינן ס' שובע גדול לא"ה שקולים שכלם יקרים:

ליינקע האנט צום הימעל) האט געשווארין ביי דעם וואס לעבט אייביג אז צוא אצייט און צוויא צייטין און אהאלבע צייט און אזוי וויא עס וועט פאר לענדט ווערין דיא פאר שפרייטע האנט ווער פאר שפרייטער כח) פון דיא היילינגע פאלק וועלין פאר לענדט ווערין דיא אלע צרות און משיח וועט קומען. זעהן מיר אז עס איז דא אאויס געזעצטע צייט ווען משיח זאל קומען; אפילו מען וועט ניט תשובה טאהן. האט רבי אליעזר געשוויגען. רבי אבא זאגט מען דארף ניט קיין בעסערין פסוק וויא דער איז. אין דעם פסוק שטייט ארויס ווען יודין וועלין אויס געלייזט ווערין און ווען זייא וועלין קומען אין ארץ ישראל; אזוי שטייט אין פסוק איר בערג פון ארץ ישראל אייערע צווייגין זאלט איר געבין. און אייער פרוכט זאלט איר טראגין פאר מיין פאלק יודין ווארום עס איז נאנט דיא צייט וואס דיא יודין וועלין קומען אין ארץ ישראל. זעהן מיר אז אין ארץ ישראל וועט אנהייבין וואקסען פיל פירות. איז אסימן אז יודין וועלין שוין אויס געלייזט ווערין. רבי אלעזר זאגט פון דעם פסוק קענען מיר אויך וויסען ווען יודין וועלין אויס געלייזט ווערין ווארום עס שטייט אין פסוק פאר דיא טעג וואס דיא יודין וועלין דארפין אויס גילייזט ווערין וועט קיין מענטש ניט פאר דינען. און קיין בהמה וועט ניט פאר דינען ודאס מיינט מען אז דיא בהמה וועט האקערין דיא ערד. וועט פון דיא ערד ווייניג וואקסין) און דער מענטש וואס וועט ארויס גיין ופון שטאט אין וועג. און דער וואס וועט קומען ופון וועג אין שטאט); וועט צו אים ניט זיין שלום ונ׳ט אין וועג נ׳ט אין שטאט) פון דעם פיינד וואס וועט אייך שלעכטס טאהן. וועלין שוין יודין האבען אסימן. אז דיא צרות וועלין קומען; וועלין זייא שוין באלד אויס גילייזט ווערין. וואס מיינט מען צוא דעם וואס וועט ארויס גיין און צוא דעם וואס וועט קומען וועט ניט זיין שלום פון דעם שונא. רב זאגט אפילו צוא תלמידי חכמים וואס ביי זיי שטייט אז זייא וועלין האבען שלום. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פיל שלום וועט זיין צוא דיא וואס האבען ליב דיין תורה. פון דעסטוועגין וועט ביי זייא אויך ניט זיין שלום. פון דיא פיל צרות וואס זייא וועלין האבען פון דיא שונאים. שמואל זאגט איין אנדער סימן וועלין יודין האבען צוא וויסען ווען משיח וועט קומען. אז זייא וועלין זעהן עס איז גיווארין אויף דער וועלט אזוי אגרויסע זאט און אלע תבואות און פירות זענען אזוי וואלוויל וואס עס איז נאך אויף דער וועלט קיין מאהל ניט גיוועזן אזוי. זאל מען וויסען אז משיח וועט באלד קומען:

מד אמר. רבי חנינא האט גזאגט איין אנדער סימן וועלין יודין האבען צוא וויסען ווען משיח וועט קומען. אז מען וועט זוכען אין תוך דארץ אפיש פאר אקראנקען און מען וועט ניט געפינען; ווארום אלע פיש וועלין שוין זיין אוועק גינאנגען אין ארץ ישראל. זאל מען

אשקיע מימיהם ונהרותם כשמן אוליך וכתיב (בתריה) (שם כט) ביום ההוא אצמיח קרן לבית ישראל. אמר רבי חמא ברבי חנינא אין בן דוד בא עד שתכלה מלכות הזלה מישראל שנאמר (ישעיה יח) וכרת הזלזלים במזמרות וכתיב בתריה בעת ההיא יובל שי לה' צבאות וגו'. ואמר זעירא א"ר חנינא אין בן דוד בא עד שיכלו גסי הרוח מישראל שנאמר (צפניה ג) כי אז אסיר מקרבך עליזי גאותך וכתיב (שם) והשארתי בקרבך עם עני ודל וחסו בשם ה'. א"ר שמלאי משום ר אלעזר בר' שמעון אין בן דוד בא עד שיכלו כל שופטים ושוטרים מישראל שנאמר (ישעיה א) ואשיבה ידי עליך ואצרוף כבר סיגיך ואסירה כל בדיליך ואשיבה שופטיך וגו'. אמר עולא אין ירושלים נפדית אלא בצדקה שנאמר (שם) ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה. א"ר פפא אי בטלי יהירי בטלי אמגושי דכתיב (שם) ואצרוף כבר סיגיך ואסירה כל בדיליך אי בטלי דייני בטלי גזירפטי דכתיב (צפניה ג) הסיר ה' משפטיך פנה אויבך. א"ר יוחנן אם ראית דור שמתמעט והולך חכה לו שנאמר (ש"ב כב) ואת עם עני

כשמן אוליך. שיהיו כולם קפויין וכיון שהם קפויים אין דגים נמצאים בהם. עד שתכלה מלכות הזלה. שלא תהא להם שולטנות לישראל אפי' שולטנות קלה ודלה: נטישותיו. ענפים קטנים כלומר השרים והשופטים: וחסו בשם ה'. כלומר שתבא להם גאולה ויחסו בצל שדי: סיגיך. תערובות שבך: בדיליך. המובדלים לראשי עם: יהירי. גסי רוח מישראל: אמגושי. מכשפים שמצערים ישראל במסכת שבת פלוגתא איכא מ"ד אמגושי חרשי ואיכא מ"ד גידופי עובדי ע"ז: ואצרוף כבור סיגיך. כמו בר דמתרגמינן בגיא רביה ובדוניס בנבותם כשאצרף ואסלקם ממך אזי אסירה כל בדיליך אמגושי הבדלים מירשת המקום: גזירפטי. שופטי עכו"ם החובטים את ישראל במקלות: משפטיך. כמו שופטיך: פנה אויבך

וויסען אז משיח קומט שוין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט זאגט איך וועל טיף מאכען זייערע וואסער אונ דיא טייכען וועל איך פירען אזוי וויא בוימאייל. אז אלע פיש וועלין מוזין פון דארטין אוועק שווימען אין ארץ ישראל. אין דעם טאג וועל איך מאכען שפראצין אגרויסקייט צו יודין. רב חמא ברבי חנינא זאגט משיח וועט אנדערש ניט קומען ביז יודין וועט שוין ניט זיין קיין געוועלטיגקייט. אפילו דיא קלענסטע געוועלטיגקייט אויך ניט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ער וועט אפ שניידין דיא קליינע צווייגעלאך מיט מעסערס דאס מיינט מען די קליינע הערשאפט וואס איז דא ביי יודין וועט גאט אפ שניידין. אין דער צייט וועט מען ברענגען מתנות צו גאט. זעירא האט געזאגט פון רבי חנינא'ס וועגין משיח וועט אנדערש ניט קומען ביז עס וועלין פאר ענדט ווערין אלע יודישע מענטשין וואס זענען גרויס ביי זיך. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך וועל אפ טאהן פון דיר די וואס פרייען זיך מיט דיין גרויסקייט אונ איך וועל איבער לאזין אין דיר אהרעמע פאלק זייא ווערין זיך בשיצען אין דעם נאמען פון גאט. רבי שמלאי האט געזאגט פון רבי אלעזר ברבי שמעון'ס וועגין משיח וועט אנדערש ניט קומען ביז עס וועלין פאר ענדט ווערין אלע פאלשע דיינים פון דיא יודין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך וועל צוריק קערין מיין האנט אויף דיר אונ איך וועל לייטערין אזוי וויא מיט זייף דיין צומישונג אונ איך וועל אפ טאהן דיא מענטשין וואס זענען אפ געשיידט פון פאלק אונ זענען געווארין דיינים. נאר איך וועל געבין אויף דיר דיינים. ביי דער צייט וועט ציון אונ ירושלים אויס געלייזט ווערין פון דיא גוים אונ זיא וועט געהערין נאר צו יודין ווט וועלין קומען פון גלות. עולא זאגט ירושלים וועט אנדערש ניט אויס געלייזט ווערין נאר אז מען וועט געבין צדקה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ציון וועט אויס געלייזט ווערין דורך דעם ערליכען משפט וואס וועט געטאהן ווערין. אונ אירע זיצער וועלין אויס געלייזט ווערין דורך די צדקה וואס זיי וועלין טאן. רב פפא זאגט אז ביי יודין וועט ניט זיין מענטשין וואס האלטין זיך גרויס. וועלין דיא גוים ניט מצער זיין דיא יודין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ואצרוף כבור סיגיך אז איך וועל אויס לייטערין אונ וועל ארויס נעמען פון דיר דיא מענטשין וואס האלטען זיך גרויס. וועל איך אפ טאהן פון דיר דיא מענטשין וואס זענען אפ געשיידט פון מיר אונ דינען עבודה זרה. אונ אז פון יודין וועלין אפ גיטאהן ווערין פאלשע דיינים. וועלין אפ גיטאהן ווערין פון זייא

עני תושיע ועיניך על רמים תשפיל. וא"ר יוחנן אם ראית דור שצרות רבות באות עליו כנהר חכה לו שנאמר (ישעיה נט) כי יבא כנהר צר רוח ה' נוססה בו (וכתיב) [וסמיך ליה] (שם) ובא לציון גואל. וא"ר יוחנן אין בן דוד בא אלא בדור שכולו זכאי או בדור שכולו חייב בדור שכולו זכאי שנאמר (שם ס) ועמך כלם צדיקים לעולם יירשו ארץ בדור שכולו חייב דכתיב (שם נט) וירא כי אין איש וישתומם כי אין מפגיע וכתיב (שם מח) למעני למעני אעשה:

מה אמר ר' אלכסנדראי ר' יהושע בן לוי רמי כתיב (ישעיה ס) בעתה וכתיב אחישנה זכו אחישנה לא זכו בעתה. וא"ר אלכסנדראי רבי יהושע ב"ל רמי כתיב (דניאל ז) וארו עם ענני שמיא כבר אינש אתי וכתיב (זכריה ט) עני ורוכב על חמור זכו עם ענני שמיא לא זכו עני רוכב על החמור א"ל שבור מלכא לשמואל אמריתו משיח על חמרא אתי אישדר ליה אנא סוכיא ברקא דאית לי א"ל

גורפמי: מסכה. כמו כמסוס נוכס וכמו יאכלם סס רוח כמקום נוקבת ומגרבת אותם עם הגרות כנאות שלף הוא מהכוך לבמידס: יירשו ארץ. היינו גאולה:

עם ענני שמיא כבר אינש אתי. במהירות: וכתיב עני ורוכב על חמור. כעני רכב על חמורו בעצלות: סוכיא ברקא. סוס מבורק ומצויין ונראה פים לי דגמלי הוא סיבא על חמור מלגלג היה ל"א

די גוישע דיינים וואס שראגין די יודין זייא זאלין מקיים זיין זייערע דינים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז גאט וועט אפ טאהן דיינע פאלשע משפטים. וועט ער אפ קערין פון דיר דיינע פיינד. רבי יוחנן זאגט אז דוא זעהסט דער דור ווערט אלע מאהל וויינגער ער ווערט אלע מאל ארעמער זאלסטו ווארטין אויף משיח. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די ארעמע פאלק וועסטו העלפין אונ דיינע אויגען וועלין זיין אויף די מענטשין וואס זענען גרוים ביי זיך דוא זאלסט זייא נידעריג מאכען. רבי יוחנן זאגט אויב דוא זעהסט אז אויף דעם דור קומט אזוי פיל צרות אזוי וויא א טייך. זאלסטו ווארטען אויף משיח. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז עס וועט קומען אויף יודין צרות אזוי וויא א טייך אונ דער ווילען פון גאט וועט אויך זיין שלעכט צו זייא. נאך דעם וועט קומען צוא ציון דער אויסלייזער. דאס איז משיח. נאך האט רבי יוחנן גיזאגט משיח וועט אנדערש ניט קומען נאר אדער אין דעם דור וואס אלע וועלין זיין צדיקים. אדער אין דעם דור וואס אלע וועלין זיין רשעים. אז דער דור וועלין אלע זיין צדיקים שטייט אין פסוק דיין פאלק וועלין אלע זיין צדיקים וועלין זייא ירשנן די לאנד ארץ ישראל אויף אייביג. ווארום אז משיח וועט קומען וועט זיין אן אייביגע אויס לייזונג. אונ אז דער דור וועלין אלע זיין רשעים שטייט אין פסוק גאט האט גיזעהן עס איז ניטא קיין מענטש אונ ער האט זיך פר וואונדערט עס איז ניטא ווער עס זאל בעטין פאר זייא. האט גאט גיזאגט פון מיינעט וועגין וועל איך טאהן אונ וועל זיי אויס לייזין:

מה אמר. רבי אלכסנדראי האט גיזאגט רבי יהושע בן לוי האט גיפרעגט עס שטייט אין פסוק משיח וועט קומען צו דער צייט. אונ עס שטייט אין פסוק איך וועל איילין זיין קומען פאר די צייט. אז יודין וועלין זוכה זיין וועט גאט איילין צו ברייגגען משיח פאר דער צייט. אונ אז יודין וועלין ניט זוכה זיין. וועט משיח קומען צו דער צייט. נאך האט רבי אלכסנדראי גיזאגט רבי יהושע בן לוי האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט משיח וועט קומען געשווינט מיט די וואלקינס פון הימעל אזוי וויא א מענטש. אונ אין אנדערין פסוק שטייט ער וועט קומען וויא א ארעם מאן אונ ער וועט רייטין אויף א אייזיל ווער וועט קומען פאמעלאך אזוי וויא א ארעם מאן רייט פאמעלאך אויף זיין אייזיל אונ גייט פון שטאט צו שטאט. אויב יודין וועלין זוכה זיין וועט משיח קומען געשווינט אויף די וואלקינס פון הימעל. אויב זייא וועלין ניט זוכה זיין וועט ער קומען צו רייטין אויף א אייזיל אזוי וויא א ארעם מאן. שבור מלכא הט גיזאגט צו שמואל איהר זאגט משיח וועט קומען צו רייטין אויף א אייזיל. איך וועל איהם שיקען דעם בעסטין פערד וואס איך האב. האט שמואל גיזאגט צו שבור מלכא האסטו א פערד מיט הונדערט קאלארין.

א"ל מי אית לך בר חיור גווני. (רבי יהושע בן לוי אשכחיה לאליהו דהוה קאי אפתחא דג"ע א"ל אימת אתי משיח א"ל לכשירצה אדוננו הזה א"ר יהושע ב"ל ב' ראיתי וקול ג' שמעתי ד) ריב"ל אשכחיה לאליהו דהוה קאי אפתחא דמערתא דרשב"י א"ל אתינא לעלמא דאתי א"ל אם ירצה האדון הזה אריב"ל ב' ראיתי וקול ג' שמעתי (אמינא) [אמר] ליה אימת אתי משיח א"ל זיל שייליה לדידיה והיכא יתיב אפתחא דרומי ומאי סימניה יתיב ביני עניי סובלי חלאים וכולן שרו ואסירי בחד זמנא ואיהו שרי חד ואסיר חד אמר דלמא מבעינא דלא איעכב אזיל לגביה א"ל שלום עליך רבי ומורי א"ל שלום עליך בר ליואי א"ל לאימת אתי מר א"ל היום. אתי לגבי אליהו א"ל מאי אמר לך א"ל שלום עליך בר ליואי א"ל אבטח לך ולאבוך לעלמא דאתי א"ל שקורי קא שקיר בי דאמר לי היום אתינא ולא אתא א"ל הכי אמר לך

סוסי בדקא סוס בדוק לרוץ: בר חיור גווני. כלום יש לך סוס בר מאה גוונין שחמור שלו כן הוא במלתא בעלמא דחייה. חיור מאה בלשון פרסי. גווני גוונין: האדון הזה. שכינה היתה עמהם קול ג'. דשכינה הוה בהדייהו: לדידיה. למשיח: בפתחא דרומי. נראה למורי לא בפתח רומי ממש אלא גן עדן הוא כנגד כל העולם וקאמר ליה דבאותו צד של גן עדן שכנגד פתח רומי משיח שרוי: סובלי חלאים. מנוגעים והוא נמי מנוגע דכתיב והוא מחולל מפשעינו וכתיב חליינו הוא נשא: כלהו. מי שיש לו ד' וה' נגעים: אסרי להו ושרי בחדא זימנא. מתירין כל נגעיהם ביחד ומקנחין אותם וחוזרין וקושרין אותן: ואיהו. משיח: שרי חד. נגע ומקנחו וקושרו ואח"כ מתיר האחר ועושה כמו כן ואינו מתיר שני נגעים יחד דסבר אי בעי לי לצאת ולגאול את ישראל לא איתעכב כדי קשירת שני נגעים: א"ל. ר' יהושע למשיח לאימת אתי מר א"ל היום: אבטח לך ולאבוך לעולם הבא:

אויב משיח וועט קומען אויף אפערד: וועט דער פערד האבין הונדערט קאלארין. רבי יהושע בן לוי האט גיטראפין אליהו הנביא איז גישטאנען ביי דיא טיר פון גן עדן. האט רבי יהושע גיזאגט צו אליהו ווען וועט קומען משיח. האט אליהו גיזאגט ווען דער הער וועט וועלין (דאס האט ער גימיינט אויף גאט) וועט משיח קומען. האט רבי יהושע בן לוי גיזאגט צוויי מענטשין האב איך גיזעהן (דאס מיינט מען זיך אונ אליהו) אונ אקול פון אדריטען (פון גאט) האב איך גיהערט. רבי יהושע בן לוי האט גיטראפין אליהו הנביא שטייט ביי דיא טיר פון דער מערה וואס רבי שמעון בן יוחאי איז גיוועזן אינווייניג: האט רבי יהושע גיזאגט צו אליהו איך וועל קומען צו עולם הבא. האט אליהו גיזאגט אויב דער הער וועט וועלין (דאס האט ער גימיינט אויף גאט). האט רבי יהושע בן לוי גיזאגט צווייא מענטשין האב איך גיזעהן (זיך אונ אליהו) אונ אקול פון אדריטען (פון גאט) האב איך גיהערט. רבי יהושע בן לוי האט גיפרעגט בייא אליהו הנביא ווען וועט קומען משיח. האט אליהו גיזאגט צו רבי יהושע גיי צו משיח אונ פרעג איהם ווען ער וועט קומען. האט רבי יהושע גיפרעגט ווא זיצט משיח. האט אליהו גיזאגט ער זיצט אין גן עדן אויף דעם ארט וואס געגין איבער דיא טיר פון רוים. האט רבי יהושע גיפרעגט וואס איז דער צייכין איך זאל איהם דער קענען. האט אליהו גיזאגט ער זיצט צווישען דיא ארעמע לייט וואס זייא האבין מכות אונ יסורים. אונ ער האט אויך מכות. אונ דיא אלע ארעמע לייט דער וואס האט עטליכע מכות בינט ער אויף אלע מכות מיט איין מאהל. אונ מאכט זיי ריין. דער נאך בינט ער צו אלע מכות מיט איין מאהל. אונ משיח טוהט ניט אזוי ער בינט אויף איין מכה אונ מאכט זיא ריין אונ בינט זיא צו. דער נאך בינט ער אויף דיא אנדערע מכה אונ מאכט זיא ריין אונ בינט זיא צו. ער זאגט טאמער וועט מען מיך שיקען אויס לייזין דיא יודין. זאל איך ניט דארפין האלטין אויף ביז איך וועל צו בינדען צוויי מכות. נאר איינע. איז רבי יהושע גיגאנגען צו משיח אונ האט גיזאגט צו איהם שלום אויף דיר רבי ומורי. האט משיח גיזאגט צו רבי יהושע שלום אויף דיר לוים זוהן. האט רבי יהושע גיזאגט צו משיח ווען וועט דער רבי קומען. האט משיח גיזאגט היינט. איז רבי יהושע גיקומען צו אליהו. האט אליהו גיזאגט צו רבי יהושע וואס האט משיח דיר גיזאגט. האט רבי יהושע גיזאגט משיח האט גיזאגט צו מיר שלום אויף דיר לוים זוהן. האט אליהו גיזאגט צו רבי יהושע דוא מעגסט שוין זיין זיכער אז דו מיט דיין פאטער וועט איהר האבין עולם הבא. האט רבי יהושע גיזאגט צו אליהו

לך (תהלים צה) היום אם בקולו תשמעו :

מן שאלו תלמידיו את ר' יוסי בן קסמא אימתי בן דוד בא אמר מתירא אני שמא תבקשו ממני אות אמרו לו אין אנו מבקשים ממך אות אמר להן לכשיפול השער הזה ויבנה ויפול ויבנה ויפול ואין מספיקין לבנותו עד שבן דוד בא אמרו רבינו תן לנו אות אמר להן ולא כך אמרתם לי שאין אתם מבקשים ממני אות אמרו לו ואעפ"כ אמר להם אם כך יהפכו מי מערת פמיים לדם ונהפכו . בשעת פטירתו אמר להם העמיקו לי ארוני (ע"ב) שאין כל דקל ודקל שבבבל שאין סוס של פרסיים נקשר בו ואין לך כל ארון וארון שבארץ ישראל שאין סוס מדי אוכל בו תבן . אמר רב אין בן דוד בא עד שתפשוט מלכות (רומי) על ישראל תשעה חדשים שנאמר (מיכה ה) לכן יתנם

פירוש

דאי לאו צדיקים גמורים אתם לא הוה יהיב לך שלמא ולא הוה מדבר עמא דהכוך : היום אם בקולו. של הקב"ה תשמעון :

השער הזה . של רומי שברומי היה באותה שעה : ואין מספיקין לבנותו . פעם שלישית : מי פמיים שירדן נובע ממנו כדתניא בבכורות ירדן יוצא ממערת פמיים ומפרש התם שפיר : העמיקו ארוני . עשו לי קבר בקרקע עמוק : שאין סוס מדי אוכל בו תבן . שמוציאין הארונות הוץ לקרקע ועושין מהן אבוסים במלחמת גוג ומגוג : שאין כל דקל וכו' . כלומר עתידין פרס ומדי לבא על בבל וללכדה ותתמלא כל ארץ בבל חיילות פרסיים וסוסיהם ומשם באים לא"י ולוכדין אותה : עד שתפשוט מלכות על ישראל ט' חדשים שנאמר לכן יתנם לישראל עד עת יולדה ילדה והיינו תשעה חדשים .

משיח האָט מיר געזאָגט אַליינען. ער האָט געזאָגט היינט וועל איך קומען און ער איז ניט געקומען. האָט אליהו געזאָגט צו רבי יהושע אזוי האָט משיח צו דיר געזאָגט אויב היינט וועלן די יודען צו הערן דעם קול פון גאָט. וועל איך היינט קומען :

מן שאלו . דיא תלמידים האָבען געפרעגט בייא רבי יוסי בן קסמא ווען וועט משיח קומען . האָט רבי יוסי געזאָגט איך האָב מורא אַז איך וועל אייך זאָגען ווען ער וועט קומען. וועט איהר זאָגען איך זאָל אייך געבען אַיין צייכען אַז מיינע רייד זענען אמת. האָבען דיא תלמידים געזאָגט צו רבי יוסי מיר וועלען פון דיר ניט בעטען אַצייכען. האָט רבי יוסי געזאָגט אַז דער טויער פון רוים וועט אַיין פאַלען און ער וועט צוריק אויף געבאַהט ווערען און ער וועט נאָך אַיין מאָהל אַיין פאַלען און ער וועט נאָך אַמאָהל אויף געבאַהט ווערען און ער וועט נאָך אַמאָהל אַיין פאַלען און איידער מען וועט איהם אויף באַהען דעם דריטען מאָהל וועט שוין משיח קומען. האָבען דיא תלמידים געזאָגט צו רבי יוסי. רבי גיב אונז אַצייכען. האָט רבי יוסי געזאָגט צו די תלמידים איהר האָט דאָך געזאָגט צו מיר אַז איהר וועט ניט בעטען פון מיר אַצייכען. האָבען דיא תלמידים געזאָגט צו רבי יוסי פון דעסטוועגען גיב אונז דאָך אַצייכען. האָט רבי יוסי צו זייא געזאָגט אויב איהר ווילט נאָר אַצייכען. וועל איך געבען אַצייכען דיא וואַסער וואָס אין קעלער פמיים וואָס פון איהם ציהט זיך דער ירדן זאָל פאַרקערט ווערען צו בלוט. און עס איז אַזוי געוואָרען. איידער רבי יוסי איז געשטאָרבען האָט ער געזאָגט צו דיא תלמידים אַז מען וועט איהם אַריין לייגען אין אַקאַסטען צו בגראָבען איהם. זאָל מען דעם קאַסטען אַריין שטעלען טיף אין דיא ערד. וואָרום עס וועט ניט זיין אַיין בוים אין בבל אַז אַפערד פון די פערסיאַנער זאָל ניט זיין אָנגעבונדען אָן איהם. אַזוי פיל חיל פון פערסיע וועלען קומען אויף בבל. און פון בבל וועלען זייא קומען אויף ארץ ישראל. און עס וועט ניט זיין אַיין קאַסטען פון אַמת אין ארץ ישראל אַז אַפערד פון מדי זאָל ניט עסין אין איהם שטרויא. זייא וועלען אויס גראָבען די קאַסטענס פון דיא מתים. און וועלען דיא מתים אַרויס וואַרפען. און דיא קאַסטענס וועלען זייא מאַכען פאַר קאַרעטעס פערד זאָלען אין זייא עסין. דריבער זאָלט איר מיין קאַסטען בגראָבען טיף אין דיא ערד. רב זאָגט משיח וועט אַנדערש ניט קומען ביז דיא מלוכה פון אַיין מלך וועט זיין פאַר שפרייט אויף אַלע יודען ניין חדשים. ודאס איז אַגרויסע צרה. וואָרום אַז דיא יודען זענען פאַר שפרייט אונטער עטליכע מלכים שעמט זיך אַיין מלך פאַר דעם אַנדערין גוזר צו זיין שלעכטע גזרות אויף דיא יודען. וואָרום אַז דער מלך וועט זאָגן דיא יודען זענען שלעכט. וועט דער אַנדערער בעך זאָגין ביי מיר אין מיין מדינה זענען אויך דא יודין און זייא זענען גאר ניט

יתגם עד עת יולדה ילדה ויתר אחיו ישובון על בני ישראל :

מז אמר עולא ייתי ולא אחמיניה וכן אמר (רבא) [רבה] ייתי ולא אחמיניה רב יוסף אמר ייתי ואזכה דאיתיב בטולא דכופיתא דחמריה אמר ליה אביי (לרבא) [לרבה] מאי טעמך אילימא משום חבלו של משיח והתניא שאלו תלמידיו את ר' אליעזר מה יעשה אדם וינצל מחבלו של משיח יעסוק בתורה ובגמילות חסדים ומר הא תורה והא גמילות חסדים אלא שמא יגרום החטא כדר' יעקב בר אידי דר' יעקב בר אידי רמי כתיב (בראשית כח) והנה אנכי עמך ושמרתיך בכל אשר תלך וכתיב (שם לב) ויירא יעקב מאד ויצר לו שהיה מתירא שמא יגרום החטא כדתניא (שמות טו) עד יעבור עמך ה' זו ביאה ראשונה עד יעבור עם זו קנית זו ביאה שניה אמור מעתה ראויין היו ליעשות להם נס בביאה שניה כביאה ראשונה אלא שגרם החטא . וכן אר"י ייתי ולא אחמיניה א"ל ר"ל מ"ט

כדמתרגמינן בכן יתמסרון בעידן דילדתא למילד וכתיב ועמד ורעה בעוז ה' וישבו כי עתה יגדל ותתר גמינן ויהון מכיני גלותהון : על בני ישראל . היינו כל העולם שישראל מפוזרים בו :
ייתי . משיח ולא אחמיניה: בטולא דכופיתא דחמריה. בצל הרעי של חמורו כלומר אפי' בכך הני רואה ובלבד שאראנו : כופיתא . רעי כמו ורמא כופתא וסכר ירדנא בב"ב : מ"ט . אמר לא אחמיניה : חבלו של משיח . גורלו והנקו ולקמן בעי מאי היא ל"א חבלי פחדים והבלים שיהיו בימיו מהיל הנכרים : לעשות בהם נס . לעלות בזרוע על כרחם של מלכי פרס : בביאה שניה . בימי עזרא כביאה ראשונה בימי יהושע מדקיקן הכתוב : מ"ט . אי זו נרה באה בימיו באמבה לומר לא

שלעכט . אבער אז דיא יודין זענען אלע אונטער איין מלך שעמט ער זיך ניט פאר קיינעם אונ איז גוזר אויף זייא שלעכטע גזרות וארום ער וועט זאגין דיא יודין זענען שלעכט) . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דריבער וועט זייא גאט געבין אין גלות אונטער איין מלך אזוי אצייט וואס אנגעווינערין געווינט . דער נאך וועלין דיא איבעריגע בריידער צוריק גיקערט ווערין צוא אלע יודין :

מז אמר . עולא האט גזאגט זאל משיח קומען אונ איך וויל איהם ניט זעהן . אונ אזוי האט רבה גזאגט זאל משיח קומען אונ איך וויל איהם ניט זעהן . רב יוסף זאגט זאל משיח קומען אונ איך וויל זוכה זיין צוא זיצען אין דעם שאטען פון די צואה פון זיין אייזיל . אביי האט גזאגט צו רבה פאר וואס ווילסטו ניט זעהן משיחן . איך זאל זאגן דורך דיא שרעק וואס עס וועט זיין אין דער צייט ווען ער וועט דארפן קומען . מיר האבען דאך גילערנט דיא תלמידים האבען גיפרעגט ביי רבי אליעזר וואס זאל דער מענטש טאהן ער זאל גירעטעט ווערין פון דיא שרעק וואס עס וועט זיין אין דער צייט ווען משיח וועט קומען . האט רבי אליעזר זייא גיענטפערט ער זאל לערנען תורה אונ זאל טאהן גמילות חסדים . אונ דוא לערונסט דאך תורה אונ טוהסט גמילות חסדים . דארפסטו דאך ניט מורא האבען : האט רבה גזאגט איך האב מורא טאמער וועלין מיינע זינד מיך שטראפין אין דער צייט ווען עס איז אסכנה . אזוי וויא רבי יעקב בר אידי האט גזאגט . ווארום רבי יעקב בר אידי האט גיפרעגט עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צו יעקב איך וועל זיין מיט דיר אונ וועל דיך היטען וואו דוא וועסט גיין אונ עס שטייט יעקב האט זייער מורא גיהאט אונ עס האט איהם באנק גיטאהן . איז דאך אקשיא אז גאט האט איהם צו גזאגט צו היטען איהם . פאר וואס האט ער מורא גיהאט . נאר ער האט מורא גיהאט טאמער וועלין זיינע זינד איהם שטראפין אין דער צייט ווען עס איז אסכנה אזוי וויא מיר האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק עד יעבור עמך ה' . גאט ביז דיין פאלק וועט אריבער גיין . דאס מיינט מען דעם ערשטין אריין קומען וואס יודין זענען אריין גיקומען אין ארץ ישראל . ביז עס וועט אריבער גיין דיין פאלק וואס דוא האסט גיקויפט : דאס מיינט מען דעם אנדערין אריין קומען וואס יודין זענען אריין גיקומען אין ארץ ישראל . אין דיא צייט פון עזרא הסופר . וויל מיר זעהן דער פסוק האט גליך גימאכט ביידע מאהל וואס יודין זענען אריין גיגאנגען אין ארץ ישראל . איינס צו דאס אנדערע . ווייסין מיר אז עס האט גידארפט גיטאהן ווערין נסים צו יודין ביא דעם אנדערין אריין קומען אין ארץ ישראל אזוי וויא ביא דעם ערשטין אריין קומען : נאר דיא עבירות האבין ניט גילאזין עס זאל גיטאהן ווערין נסים . רבי יוחנן האט אויך

אילימא משום דכתיב (עמוס ה) כאשר ינוס איש מפני הארי ופגעו הדוב [ובא ה בית] וסמך ידו על הקיר ונשכו הנחש בא וארא דוגמתו בעה"ז בזמן שאדם יוצא לשדה פגע בו סנטר דומה כמי שפגע בו ארי נכנס לעיר פגע בו גבאי דומה כמי שפגעו דוב נכנס לביתו ומצא בניו ובנותיו מוטלין ברעב דומה כמי שנשכו נחש אלא משום דכתיב (ירמיה ל) שאלו נא וראו אם יולד זכר מדוע ראיתי כל גבר ידיו על חלציו כיולדה ונהפכו כל פנים לירקון מאי ראיתי כל גבר אמר רבא בר יצחק א"ר מי שכל גבורה שלו ומאי נהפכו כל פנים לירקון א"ר יוחנן פמליא של מעלה ופמליא של מטה (באותה שעה אומר) [בשעה שאמר] הקב"ה הללו מעשה ידי והללו מעשה ידי היאך אאבד אלו מפני אלו [אמר רב פפא] היינו דאמרי אינשי רהיט ונפל תורא ואזיל ושדי

אלמימיה: סנטר. מפרש נב"ע שר הממונה לידע מצרי השדות וגבוליהן עד כאן של פלוני מכאן ואילך של פלוני ובידו לרבות לאחר ולמעט לאחר וכשפוגעו אותו סנטר רוצה למדוד שדות ולקצץ מצרי השדות דומה. כמי שפגע בו ארי: גבאי. גובה מס המלך: מי שכל הגבורה שלו. הקב"ה שמצטער בעצמו כיולדה ואומר בשעה שמעביר האומות מפני ישראל היאך אאביד אלו מפני אלו: פמליא של מעלה ושל מטה. מלאכים וישראל. אפילו כגרים לא גרסינן: רהיט ונפל תורא ואזיל ושדי סוסיא באוריה. כשרץ השור ונפל מעמידין סוס במקומו באבוסו מה שלא היה רוצה לעשות קודם מפלתו של שור שהיה חביב שורו ביותר וכשמתרפא שורו היום או למחר ממפלתו קשה לו להוציא סוסיא מפני השור לאחר שהעמידו שם כך הקב"ה כיון

גיזאגט משיח זאל קומען נאר איך וויל איהם ניט זעהן. האט ריש לקיש גיזאגט צו רבי יוחנן פאר וואס ווילסטו איהם ניט זעהן. מיר זאלין זאגין ווייל עס שטייט אין פסוק אזוי וויא אמענטש אנטלויפט פאר אלייב אונ עס בגעגינט איהם אבער אונ ער קומט אריין אין שטוב אונ ער לייגט ארויף דיא האנט אויף דיא וואנט טוהט אים אביס אשלאנג. אזוי וועט זיין ווען משיח וועט קומען פון איין צרה וועט מען ארויס גיין אונ אין דיא אנדערע צרה וועט מען אריין קומען. פאר דעם האסטו מורא. קום איך וועל דיר ווייזין אזוי אגלייכין היינטיגע צייטין. אז אמענטש גייט ארויס אין פעלד אונ דער סנטר (דער וואס מעסט דיא פעלדער) בגעגינט איהם. איז בייא איהם גלייך וויא אלייב וואלט איהם גיטראפין. אז ער גייט אריין אין שטאט אונ דער גבאי וואס נעמט צו זאמען דיא קייזערליכע פאראטקעס בגעגינט איהם. איז בייא איהם גלייך וויא אבער וואלט איהם גיטראפין. אז ער גייט אריין אין שטוב אונ ער טרעפט זיינע קינדער אונ זיינע טעכטער זענען פאר חלשות פון הונגער איז בייא איהם גלייך וויא אשלאנג וואלט איהם געביסען. זעהן מיר אז היינט איז אויך אזוי. אמענטש גייט פון איין צרה ארויס אונ אין דיא אנדערע צרה גייט ער אריין. נאר דורך דעם וויל איך ניט זיין אין דיא צייט ווען משיח וועט קומען ווייל עס שטייט אין פסוק פרעגט אונ זעהט אויב אזכר איז גיבארין גיווארין. פאר וואס האב איך גיזעהן כל גבר ידיו על חלציו יעדער מענטש האלט זיינע הענט אויף זיינע לענדין אזוי וויא אגעווינערין ונהפכו כל פנים לירקון אונ אלע פנימער פון דיא מענטשין זענען פאר קערט גיווארין צו געל ודער פסוק שמועסט פון דער צייט ווען משיח וועט קומען. אונ ער גלייכט דאס יודישע ארויס גיין פון גלות אזוי וויא אגעווינערין וואס דארף גיבארין אקינד אונ זיא גייט שווער צו קינד. אונ אלע מענטשין וואס זענען ביי דער געווינערין אונ זעהן אירע יסורים האלט יעדער זיינע הענט אויף דיא לענדין. אונ אלע פנימער זענען געל. אזוי וועט זיין גרויס דער צער אונ דיא יסורים פון דיא יודין. וואס מיינט מען איך האב גיזעהן כל גבר. האט רבא בר יצחק גזאגט פון רבס וועגין גבר מיינט מען שטארקייט. אפילו גאט וואס דיא גאנצע שטארקייט איז זיינע וועט אויך האבען צער. אונ וואס מיינט מען אלע פנימער חעלין פאר קערט ווערין צו געל. ווער זענען דיא אלע פנימער. האט רבי יוחנן גזאגט פמליא של מעלה אונ פמליא של מטה. דיא מלאכים וואס זענען אין הימעל אונ דיא יודין וואס זענען אויף דער ערד: דער פנים פון אלע וועט זיין געל. אין דיא צייט וועט גאט זאגין דיא יודין האב איך בשאפען אונ. לע פעלקער פון דער וועלט האב איך אויך בשאפען. וויא אזוי וועל איך פאר ליר׳ן ד׳א פעלקער פאר דיא יודין. רב פפא זאגט דאס

ושדי ליה סוסיא באורייה :

מז אמר רב גידל אמר רב עתידין ישראל דאכלי שני משיח א"ר יוסף פשיטא ואלא מאן אכיל להו חילק ובילק אכלי להו לאפוקי מדרבי הלל דאמר אין משיח לישראל שכבר אכלוהו בימי חזקיה. אמר רב לא איברי עלמא אלא לדוד ושמואל אמר למשה ור' יוחנן אמר למשיח. מה שמו דבי ר' שילא אמרי שילה שמו שנא' (בראשית מט) עד כי יבא שילה. דבי ר' ינאי אמרי ינון שמו שנאמר (תהלים עב) יהי שמו לעולם לפני שמש ינון שמו. דבי רבי חנינא אמרי חנינא שמו שנאמר (ירמיה טז) אשר לא אתן לכם חנינה. וי"א מנחם בן חזקיה שמו שנאמר (איכה א) כי רחק ממני מנחם משיב נפשי. ורבנן אמרי חוורא דבי רבי שמו שנאמר (ישעיה נג) אכן חלינו הוא נשא ומכאובינו סבלם ואנחנו חשבנוהו נגוע מוכה אלהים

שנה מפלתן של ישראל נותן גדולתן לאוה"ע וכשחוזר ישראל בתשובה ונגאלין קשה לו לאבד אוה"ע מפני ישראל. אוריה כמו, אורות סוסים : דאכלי שני משיח. שובע שיהיה באותן הימים לישראל יהיה : אלא חילק ובילק אכלי להו. הן היו רגילין לומר כאדם שאומר פלוני ופלוני יאכלוהו וכמה' חולין לא חילק ידענא ולא בילק ידענא. ולי נראה דמשמעות לשון חילק ובילק לשון חורבה כמו ומבולקה ואמרינן בחולין לא חילק דרבנן דמצריכין לחלק הסימן שמצריכין לחלק כל הטבעת ולשייר על פני כולה ולא בילק לר' יוסי שמתריב הסימן שחותך קנת בתוך הטבעת והשאר חוץ לטבעת ונראה למורי דאין לו משמעות לא הכא ולא התם. נ"א חילק ובילק שני דייני סדום שהיו שמותיהם כך : אין משיח לישראל. שחזקיה היה משיח ועליו נאמרו כל הנבואות הצמיח קרן לבית ישראל ועמד ורעה בעוז ה' : אלא לדוד. בזכותו שהיה עתיד לומר כמה שירות ותשבחות : למשה. בשביל משה שהיה עתיד לקבל את התורה : מה שמו. של משיח : ינון שמו. כמו ינאי כל אחד היה דורש אחר שמו: לפני שמש עד שלא נברא היה שמו ינון והיינו אחד משבעה דברים שעלו במחשבה לבראות: ולא אתן לכם חנינה. עדיין לא יבא משיח : מנחם. בן חזקיה: חוורא דבי רבי, מצורע של

איז וואס מענטשין זאגין אז דער אקס לויפט אונ פאלט אונ ווערט קראנק. שטעלט מען דעם פערד אויף זיין ארט ביי דיא קארעטע. אונ פריער איידער דער אקס איז גיפאלען וואלט מען ניט צו גינומען דעם אקס פון דיא קארעטע מען זאל שטעלין דעם פערד אויף זיין ארט. ווארום דער אקס איז ביי איהם טייערער וויא דער פערד. אונ איצט אז דער פערד שטייט שוין אונ דער אקס ווערט גיזונד וויל ער שוין ניט צו נעמען דעם פערד אונ צוריק שטעלין דעם אקס. ביי גאט איז אויך אזוי אז דיא יודין פאלען גיט ער אוועק זייער גרוסקייט צוא די גוים. אונ דער נאך אפילו יודין טוהען שוין תשובה איז שוין ביי גאט שווער צו פארליהרען די פעלקער פאר יודינס וועגין :

מח אמר. רב גידל האט גזאגט פון רבס וועגין דיא זעט וואס עס וועט זיין אין דיא צייטין ווען משיח וועט קומען. וועלין דאס יודין עסין. האט רב יוסף גזאגט געווים וועט אזו זיין. ווארום ווער דען וועט דאס עסין. חילק אדער בילק וועלין דאס עסין. זאגט דיא גמרא רב מיינט צו זאגין אז עס איז ניט וויא רבי הלל האט גזאגט. אז צוא יודין וועט גאר ניט קומען משיח ווארום דעם זכות פון משיח האבען שוין יא יודין לאנג אויף גיגעסין אין דיא צייטין פון חזקיה המלך. דריבער זאגט רב אז צו יודין וועט נאך קומען משיח אונ דיא יודין וועלין נאך עסין דאס גוטס וואס עס וועט זיין אין משיחם צייט: רב זאגט דיא וועלט איז נאר בשאפען גיווארין אין דעם זכות פון דוד המלך. שמואל זאגט אין דעם זכות פון משה רבינו. רבי יוחנן זאגט אין דעם זכות פון משיח. וויא איז דער נאמען פון משיח דבי רבי שילא זאגין זיין נאמען איז שילה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ביז שילה וועט קומען. דבי רבי ינאי זאגין זיין נאמען איז ינון. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זיין נאמען זאל זיין אויף אייביג. פאר דיא זוהן (איידער דיא זוהן איז בשאפען גיווארין) איז גיוועזען דער נאמען פון משיח ינון. דבי רבי חנינא האבען גזאגט דער נאמען פון משיח איז חנינה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אשר לא אתן לכם חנינה. איך וועל ניט געבין צוא אייך דעם מלך המשיח וואס ער הייסט חנינה. אנדערע זאגין זיין נאמען איז מנחם בן חזקיה: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער האט דער ווייטערט פון מיר דעם משיח וואס ער הייסט מנחם וואס ער ברוהיגט מיין נפש. די רבנן זאגין דער נאמען פון משיח איז חוורא דבי רבי (דער מצורע וואס איז ביי רבין): אזוי וויא עס שטייט אין פסוק באמת אונזער קראנקייט טראגט ער אונ אונזערע שמערצין לייד ער אונ

אלהים ומעונה. אמר רב נחמן אי מן חייא הוא כגון אנא שנאמר (ירמיה ל) והיה אדירו ממנו ומושלו מקרבו יצא. אמר רב אי מן חייא הוא כגון רבינו הקדוש אי מן מתייא הוא כגון דניאל איש חמודות. אמר רב יהודה אמר רב עתיד הקב"ה להעמיד להם דוד אחר שנאמר (שם) ועבדו את ה' אלהיהם ואת דויד מלכם אשר אקים להם הקים לא נאמר אלא אקים א"ל רב פפא לאביי והכתיב (יחזקאל ל) ודוד עבדי נשיא להם לעולם כגון קיסר ופלג קיסר. דרש ר' שמלאי מאי דכתיב (עמוס ה) הוי המתאוים את יום ה' למה זה לכם יום ה' הוא חשך ולא אור משל לתרנגול ועטלף שהיו מצפים לאור א"ל תרנגול לעטלף אני מצפה לאורה שאורה שלי הוא ואתה למה לך אורה (דף לט) והיינו דא"ל ההוא צדוקי לרבי אבהו אימתי אתי משיח א"ל לכי חפי להו חשוכא להנהו אינשי א"ל מילט קא לייטת לי א"ל קרא כתיב • כי

נית רבי: אי מן חייא הוא כגון רבינו הקדוש. אם משיח מאותן שהיים עכשיו ודאי היינו רבינו הקדוש דסובל תחלואים וחסיד גמור הוא כדאמרינן בב"מ: ואם. הוא מאותן שמתו כבר היינו דניאל איש חמודות שנדון ביסורין בגוב אריות וחסיד גמור היה והאי כגון לאו דווקא נ"א כגון רבינו הקדוש כלומר אם יש דוגמתו בחיים היינו רבינו הקדוש ואם דוגמא הוא למתים היינו כגון דניאל איש חמודות: דוד אחר. שעתיד למלוך עליהם: אקים. הקים לא נאמר אלא אקים: כגון קיסר ופלג קיסר. מלך ושני לו כך דוד החדש מלך כדכתיב ודוד מלכם אשר אקים ודוד המלך שני לו דכתיב נשיא להם ולא כתיב מלך: עטלף. קלב"א סור"ץ בלע"ז והוא בן עינים: שאורה בלי פוח. שיש לו עינים לראות ונמצאתי נהנית בה כך ישראל נאלפין

מיר האבען אים גירעכונט אז ער איז גיפלאגט אונ געשלאגין פון גאט אונ גיפייניגט פאר זיינע עבירות. אונ איצט זעהן מיר אז ער האט גאר ניט געזינדיגט נאר ער טראגט אויף זיך דעם שטראף פון אונזערע זינד. אונ ווייל רבי האט אויך גיטראגען יסורים פאר דער טובה פון דער וועלט אזוי וויא עס שטייט אין מסכת בבא מציעא. דריבער רופט מען משיחן דער מצורע פון רבי. רב נחמן האט גזאגט אויב משיח איז איינער פון די מענטשין וואס לעבין איצט בין איך משיח. וארום עס שטייט אין פסוק דער שטארקער וועט זיין פון אים. אונ דער גיוועלטיגער וועט פון איהם ארויס גיין. דאס מיינט מען משיח וואס ער איז דער שטארקער אונ דער גיוועלטיגער וועט ער זיין פון דוד המלך וואס ער איז פון שבט יהודה. אונ ווייל רב נחמן איז אויך גיוועזען פון שבט יהודה אונ פון די משפחה פון דוד דריבער האט ער גירעכונט אויף זיך אז ער קען זיין משיח. רב זאגט אויב משיח איז איינער פון די מענטשין וואס לעבין איצט. וועט דאס זיין אונזער הייליגער רבי וואס איז רבי יהודה הנשיא וואס מען האט איהם גירופען רבי. אונ אויב משיח איז איינער פון די וואס זענען שוין גישטארבען. וועט דאס זיין דניאל איש חמודות. רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין גאט וועט אויף שטעלין צו יודין איין אנדער דוד וואס ער וועט זיין א מלך אויף זייא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייא וועלין דינען צו ה' וואס ער איז זייער גאט אונ צו זייער מלך דוד אשר אקים להם. וואס איך וועל איהם אויף שטעלין צו זייא. עס שטייט ניט אשר הקים להם. וואס איך האב איהם אויף גישטעלט צו זייא. נאר וואס איך וועל אויף שטעלין. זעהן מיר אז גאט וועט איצט אויף שטעלין א נייעם דוד וואס ער וועט זיין א מלך אויף די יודין. האט רב פפא גזאגט צו אביי עס שטייט דאך אין פסוק מיין קנעכט דוד וועט זיין צו זייא א נשיא אויף אייביג. זאגט די גמרא עס וועט זיין א קיסר אונ א האלבער קיסר. דער נייער דוד וועט זיין א מלך. אונ דער אלטער דוד וועט זיין א נשיא. א פירשט. א האלבער מלך. רבי שמלאי האט גידרשת עס שטייט אין פסוק זייא גלוסטין צום טאג פון גאט צו וואס טויג אייך דער טאג פון גאט ער איז פינסטער ניט ליכטיג. דאס איז געגליכען צו א האן מיט א פלעדער מויז האבען גיווארט ווען וועט שוין ווערין טאג. האט דער האן גזאגט צו די פלעדער מויז איך האף צו די ליכטיגקייט איז רעכט ווארום די ליכטיגקייט איז מיינע. ביי נאכט זעה איך ניט אז עס וועט ווערין ליכטיג וועל איך זעהן. אבער דוא ביסט דאך פארקערט ביי נאכט זעהסטו אונ ביי טאג זעהסטו ניט. צו וואס האפסטו אויף די ליכטיגקייט. דער נביא וואונדערט זיך אויך. יודין האפען

(ישעיה ס) כי הנה החשך יכסה ארץ וערפל לאומים ועליך יזרח ה' וכבודו עליך יראה. תנא ר' (אלעזר) [אליעזר] אומר ימות המשיח ארבעים שנה שנאמר (תהלים צה) ארבעים שנה אקוט בדור. ר' אלעזר בן עזריה אומר ע' שנה שנאמר (ישעיה כג) והיה ביום ההוא ונשכחת צור שבעים שנה כימי מלך אחד אי זהו מלך מיוחד הוי אומר זה משיח. ר' אומר שלשה דורות שנאמר (תהלים עב) ייראוך עם שמש ולפני ירח דור דורים. רבי הלל אומר אין להם משיח לישראל שכבר אכלוהו בימי חזקיהו אמר רב יוסף שרא ליה מריה לר' הלל חזקיה אימת הוה בבית ראשון ואילו זכריה קא מתנבי בבית שני ואמר (זכריה ט) גילי מאד בת ציון הריעי בת ירושלים הנה מלכך יבא לך צדיק ונושע וגו':

תניא

לגאולה שיום ה' יהיה להם אור גדול אבל העכו"ם למה מקויה אותו הרי הוא להם חשך ולא אור: ה"ג היינו דא"ל ההוא מינא לר' אבהו וכו': אקוט בדור. אקוט ישראל ואמנוך עליהם כמו נקוט נקטיה: ארבעים שנה אקוט בדור. אעשה בדור קטן של מ' שנה שהוא משונה מדורות שלפניו ומשמעת היינו משיח שסימנים גדולים יהיו בדורו ופשטיה דקרא מיירי גבי מתי מדבר אבל מדכתיב אקוט משמע אף לאחר ביאה מתנבא: מיוחד. חשוב: ה"ג רבי אומר ג' דורות שנא' ייראוך עם שמש: כלומר בהדי משיח שכתוב בו לפני שמש ינון שמו ייראוך כל ישראל ולפני ירח לפני מלכות בית דוד שמשל לירח כדכתיב כירח יכון עולם וגו' כמו כן ייראוך דור דורים דור אחד דורים ב' הרי ג': אין להם משיח לישראל. אלא הקב"ה ימלוך בעצמו ויגאלם לבדו: שרא ליה מריה. ימחול לו הקב"ה שאמר דברים אשר לא כן: והלא זכריה מיהא מתנבא על משיח בבית שני. דכתיב בתרי עשר הנה מלכך יבא לך וגו' ולאו היינו זכריה בן יהוידע הכהן שניבא בבית ראשון אלא זכריה בן ברכיה שהיה במלכות דריוש:

אויף דעם טאג פון גאט זייא זאלין אוים גילייזט ווערין פון גלות. איז רעכט ווארום הייגט איז זייא פינסטער. שפעטער וועט זייא זיין ליכטיג. אבער די גוים וואס האפין זייא צו דעם טאג. ביא זייא איז דאך פאר קערט. הייגט איז זייא ליכטיג אונ שפעטער וועט זייא זיין פינסטער. דאס איז וואס אאפיקורוס האט גזאגט צו רבי אבהו ווען וועט קומען משיח. הט רבי אבהו גזאגט צום אפיקורוס אז דיא פינסטערניש וועט בדעקין דיא מענטשין. דאמאלס וועט קומען משיח. האט דער אפיקורוס גזאגט צו רבי אבהו דו פלוכסט מיך. האט רבי אבהו גזאגט צום אפיקורוס איך מיין ניט צו פלוכען. איך זאג נאר אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די פינסטערניש וועט בדעקין דיא ערד. אונ דיא שטארקע פינסטערניש וועט בדעקין דיא פעלקער. אונ אויף דיר [אויף דיא יודין] וועט גאט מאכען שיינען אונ זיין כבוד וועט אויף דיר גיזעהן ווערין. מיר האבען גילערונט רבי אליעזר זאגט דיא צייט פון משיחן וועט דאערין פערציג יאהר. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ארבעים שנה אקוט בדור. דיא צייט וואס איך וועל אן נעמען דיא יודין אונ איך וועל אויף זייא קיניגען וועט דאערין פערציג יאהר. רבי אלעזר בן עזריה זאגט דיא צייט פון משיח וועט דאערין זיבעציג יאהר. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אונ עס וועט זיין אין דעם טאג. וועט צור פאר געסין ווערין אויף זיבעציג יאהר אזוי וויא דיא טעג פון איין מלך. ווער איז דאס דער איין מלך. דאס איז דער מלך המשיח. זעהן מיר אז דיא צייט פון משיח וועט דאערין זיבעציג יאהר. רבי זאגט עס וועט דאערין דרייא דורות. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ייראוך עם שמש. ווען עס וועט זיין דיא צייט פון דיא זוהן ופון משיח וואס ער איז געגליכען צו דיא זוהן וועלין אלע מורא האבען פאר גאט. ולפני ירח. אונ איידער עס וועט קומען דיא לבנה ודאס מיינט מען דיא מלוכה פון דוד וואס ער איז געגליכען צוא דיא לבנה. וועט מען מורא האבען פאר גאט דור דורים. דור איז איינס דורים איז צווייא. איז דרייא דורות. רבי הלל זאגט יודין וועלין ניט האבען קיין משיח. נאר גאט אליין וועט אויף זיי קיניגען. דער מלך חזקיהו איז שוין גיוועזן משיח. אונ יודין האבען איהם אויף גיגעסין ודאס מיינט מען זייא האבען איהם פאר זינדיגט. ווען זייא וואלטין ווערט גיוועזן וואלט דיא לעצטע גאולה גיוועזן דורך חזקיהו. האט רב יוסף גזאגט גאט זאל מוחל זיין צו רבי הלל. וואס ער זאגט אז חזקיה איז גיוועזן משיח. אונ מער וועט שוין קיין משיח ניט זיין. ווארום חזקיה איז גיוועזן ביי דעם ערשטין בית המקדש. אונ דער נביא זכריה איז גיוועזן ביי דעם אנדערין בית המקדש. אונ ער האט נביאות גזאגט פריי דיך זייער דוא טאכטער ציון. דוא זאלסט שאלין

רבי אומר שס"ה כמנין ימות החמה דכתיב כי יום נקם בלבי ושנת גאולי באה. ליום נקם של מצרים מ' יום מה יום נקם של מצרים שנה אחת לכל יום דכתיב יום לשנה יום לשנה גו' כך שנת גאולי באה שנה ליום שנה ליום שבכל יום ויום של שנה זו הכתובה שנת גאולי במקרא זה נותנין שנה אחת והיינו דגרסי רבי אומר שס"ה אלפים שנה דכתיב ושנת גאולי באה ושנה של הקב"ה הכי הוי דכתיב כי אלף שנים בעיניך כיום: לאברי לא גליתי. אלא הוצאתי דבר מפי שהיו אברי יכולין לשמוע אבל בלבי היה טמון הדבר: ועד עכשיו. עד ימות המשיח: למען ירבו ימיכם כימי השמים על הארץ. ולא עמדו בארצם כ"כ אבל עתידין לעמוד כפיגא מבית: כמשוש חתן. שבעת ימי המשתה כן ישיש עליך ז' ימים ויומו של הקב"ה אלף שנה:

מתני' **תניא** אידך ר' אליעזר אומר ימות המשיח ארבעים שנה כתיב הכא (דברים ח) ויענך וירעיבך ויאכילך את המן וכתיב התם (תהלים צ) שמחנו כימות עניתנו שנות ראינו רעה ורבי דוסא אמר ת' שנה שנאמר שמחנו כימות עניתנו וגו' וכתיב (בראשית טו) ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה. רבי אומר שס"ה שנה כמנין ימות החמה שנאמר (ישעיה סג) כי יום נקם בלבי ושנת גאולי באה מאי יום נקם בלבי א"ר יוחנן ללבי גליתי לאברי לא גליתי ר' שמעון בן לקיש אומר ללבי גליתי למלאכי השרת לא גליתי. תני אבימי בריה דר' אבהו ימות המשיח לישראל שבעת אלפים שנה שנאמר (שם) ומשוש חתן על כלה ישיש עליך אלהיך. אמר רב יהודה אמר שמואל ימות המשיח כמיום שנברא העולם ועד עכשיו שנאמר (דברים יא) כימי השמים על הארץ. רב נחמן בר יצחק אמר כימי נח עד עכשיו

דוּ טָאכְטֶער יְרוּשָׁלַיִם. דַיין מֶלֶךְ וֶועט קוּמֶען צוּ דִיר. עֶר אִיז אַצַדִיק אוּנ אַגִיהָאָלְפֶענֶער. וֶועהן מִיר אַז מָשִׁיחַ וֶועט נָאךְ קוּמֶען:

מתט תַּנְיָא. נָאךְ אִין אַבְּרַיְיתָא הָאבֶּען מִיר גִילֶערוּנְט רַבִּי אֱלִיעֶזֶר זָאגְט דִיא צַייט פוּן מָשִׁיחַ וֶועט דָאעֶרִין פֶערְצִיג יָאהר: וָוארוּם דָא שְׁטֵייט גָאט הָאט דִיךְ גִיפַּיינִיגְט אוּנ הָאט דִיךְ הוּנְגֶערִיג גִימַאכְט אוּנ הָאט דִיר נִיגֶעבִּין עֶסִין מָן. זֶעהן מִיר אַז גָאט הָאט גִיפַּיינִיגְט יוּדִין פֶערְצִיג יָאהר. אוּנ דָארְט שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דוּא זָאלְסְט אוּנְז דֶער פְרֵייעֶן אַזוֹי וִויא דִיא טֶעג וָואס דוּא הָאסְט אוּנְז גִיפַּיינִיגְט אַזוֹי וִויא דִיא יָאהרִין וָואס מִיר הָאבִּין גִיזֶעהן שְׁלֶעכְטְס. אוּנ יוּדִין זֶענֶען דָאךְ גִיפַּיינִיגְט גִיוָוארִין אִין דֶער מִדְבָּר פֶערְצִיג יָאהר. וֶועלִין זַייא זֶעהן דִיא גוּטְס פוּן מָשִׁיחַ אוֹיךְ פֶערְצִיג יָאהר. רַבִּי דוֹסָא זָאגְט דִיא יָאהרִין פוּן מָשִׁיחַ וֶועט זַיין פִיר הוּנְדֶערְט יָאר, אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דוּא זָאלְסְט אוּנְז דֶער פְרֵייעֶן אַזוֹי וִויא דִיא טֶעג וָואס דוּא הָאסְט אוּנְז גִיפַּיינִיגְט. אוּנ אִין מִצְרַיִם הָאט מֶען יוּדִין גִיפַּיינִיגְט פִיר הוּנְדֶערְט יָאהר. רַבִּי זָאגְט דִיא יָאהרִין פוּן מָשִׁיחַ וֶועלִין זַיין דְרַייא הוּנְדֶערְט פִינְף אוּנ זֶעכְצִיג יָאהר. וִויא פִיל טֶעג עֶס אִיז דָא אִין אַיָאהר נָאךְ דֶעם חֶשְׁבּוֹן פוּן דִיא זוּהן. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק כִּי יוֹם נָקָם בְּלִבִּי. אַזוֹי וִויא דִיא צַייט וָואס אִיךְ הָאבּ גִיטָאהן אַנְקָמָה אָן דִיא יוּדִין. בַּיי דִיא עֲבֵירָה פוּן דִיא מְרַגְּלִים. הָאבּ אִיךְ דָאךְ גִירֶעכוּנְט אַטָאג פַאר אַיָאהר. וּשְׁנַת גְאוּלַי בָּאָה. אַזוֹי דֶער יָאהר פוּן מַיין אוֹיס לֵייזוּנְג וָואס וֶועט קוּמֶען. וֶועט אוֹיךְ גִירֶעכוּנְט וֶוערִין אַטָאג פַאר אַיָאהר. דְרַיי הוּנְדֶערְט פִינְף אוּנ זֶעכְצִיג טֶעג אִיז דָא אִין אַיָאהר. וֶועט זַיין דִיא צַייט פוּן מָשִׁיחַ דְרַיי הוּנְדֶערְט פִינְף אוּנ זֶעכְצִיג יָאהר. וָואס מֵיינְט מֶען דֶער טָאג פוּן נְקָמָה. אִיז אִין מַיין הָארְץ. רַבִּי יוֹחָנָן זָאגְט גָאט זָאגְט דֶעם טָאג פוּן נְקָמָה הָאבּ אִיךְ נָאר גִיזָאגְט אִין מַיין הָארְץ. אָבֶּער צוּ מַיינֶע גְלִידֶער הָאבּ אִיךְ נִיט גִיזָאגְט. רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן לָקִישׁ זָאגְט גָאט זָאגְט דֶעם טָאג פוּן נְקָמָה הָאבּ אִיךְ נָאר גִיזָאגְט אִין מַיין הָארְץ. אָבֶּער צוּ דִי מַלְאָכִים הָאבּ אִיךְ נִיט גִיזָאגְט אֲבִימִי בְּרֵיה דְרַבִּי אַבָּהוּ הָט גִילֶערוּנְט דִיא צַייט פוּן מָשִׁיחַ וֶועט זַיין צוּ דִיא יוּדִין זִיבֶּען טוֹיזֶענְד יָאהר. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַזוֹי וִויא אַחָתָן פְרֵייט זִיךְ מִיט זַיין כַּלָּה זִיבֶּען טֶעג. אַזוֹי וֶועט גָאט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִיר זִיבֶּען טֶעג. אוּנ דֶער טָאג פוּן גָאט אִיז טוֹיזֶענְד יָאהר, אִיז דָאס זִיבֶּען טוֹיזֶענְד יָאהר. רַב יְהוּדָה הָט גִיזָאגְט פוּן שְׁמוּאֵלְס וֶועגִין דִיא צַייט פוּן מָשִׁיחַ וֶועט זַיין אַזוֹי לַאנְג וִויא פוּן דֶעם טָאג וָואס דִיא וֶועלְט אִיז בַּשַׁאפֶען גִיוָוארִין בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַייעֶרֶע טֶעג וֶועלִין גִימֶערְט וֶוערִין וִויא דִיא טֶעג וָואס דֶער הִימֶעל אִיז אִיבֶּער דִיא עֶרְד. רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק

עכשיו שנאמר (ישעיה נד) כי מי נח זאת לי אשר נשבעתי. א"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן כל הנביאים לא נתנבאו אלא לימות המשיח אבל לעה"ב (שם) עין לא ראתה אלהים זולתך יעשה למחכה לו ופליגא דשמואל דאמר שמואל אין בין העה"ז לימות המשיח אלא שעבוד מלכיות בלבד. וא"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן כל הנביאים לא נתנבאו אלא לבעלי תשובה אבל צדיקים גמורים עין לא ראתה אלהים זולתך ופליגא דרבי אבהו דא"ר אבהו מקום שבעלי תשובה עומדים שם אין צדיקים גמורים יכולין לעמוד שם שנאמר (שם נז) שלום שלום לרחוק ולקרוב אמר ה' ורפאתיו ברישא רחוק והדר קרוב מאי רחוק דמעיקרא ומאי קרוב קרוב דמעיקרא ודהשתא ור' יוחנן אמר לרחוק שהוא רחוק מעבירה קרוב שהוא קרוב מעבירה ונתרחק כמנה. וא"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן כל הנביאים כולן לא נתנבאו אלא למשיא בתו לתלמיד

חכם

כי מי נח. כמו כימי נח כחשבון השנים שנמנו בידי לאותו זמן שנשבעתי מעבור מי נח עוד על הארץ כן נשבעתי כפי אותו חשבון נשבעתי מקצוף עליך ומגער בך שלא אחריב את עולמי לאחר ביאת משיח עד שיכלה זה הזמן: לא נתנבאו. טובה לישראל: עין לא ראתה. אין קץ לדבר: צדיקים אינן עומדין. דגדול כחן של בעלי תשובה שאין כל בריה יכולה לעמוד במחיצתן: ברישא לרחוק. שנתרחק מן הקב"ה ואח"כ שב אליו בתשובה: והדר. שלום לקרוב מעיקרו צדיק גמור דגדול כחן של בעלי תשובה: שהיה רחוק מעבירה כל ימיו. דהיינו צדיק גמור:

זָאגְט דִיא צַייט פוּן מָשִׁיחַ וֶועט זַיין אַזוֹי לַאנְג וִויא פוּן נָאךְ דֶעם מַבּוּל בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶע אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק כִּי מֵי נֹחַ זֹאת לִי אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתִּי. וִויא פִיל יָאהְרֶין עֶס אִיז פוּן דִיא צַייט וָואס אִיךְ הָאבּ גִישְׁוָוארִין עֶס זָאל שׁוֹין מֶער נִישְׁט זַיין קַיין מַבּוּל בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען. אַזוֹי לַאנְג וֶועט זַיין דִי צַייט פוּן מָשִׁיחַ:

רַבִּי חִיָיא בַּר אַבָּא הָאט גִזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹחָנָן וֶועגִין אַלֶע נְבִיאִים הָאבֶּען נִישְׁט מֶער נְבִיאוֹת גִזָאגְט נָאר אוֹיף דִיא גוּטְס וָואס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען. אָבֶּער דִיא גוּטְס וָואס וֶועט זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא הָאט קַיין אוֹיג נִיט גִיזֶעהֶן נָאר גָאט אַלֵיין וֶועט טָאהן דִיא גוּטְס צוּ דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס הָאפִין צוּ אִיהם. אוּנ רַבִּי יוֹחָנָן קְרִיגְט אוֹיף שְׁמוּאֵל. וָוארוּם שְׁמוּאֵל הָט גִזָאגְט וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט נָאךְ גָאר נִיט זַיין קַיין גוּטְס. אוּנ פוּן אִיצְטִיגֶע צַייט צוּא דֶער צַייט פוּן מָשִׁיחַ וֶועט נִיט מֶער זַיין אַאוּנְטֶער שֵׁייד. נָאר וָואס מֶען וֶועט אַרוֹיס גֵיין פוּן גָלוּת. אוּנ דָאס גוּטְס וָואס דִיא נְבִיאִים הָאבֶּען גִזָאגְט דָאס אִיז צוּ עוֹלָם הַבָּא. נָאךְ דָאס רַבִּי חִיָיא בַּר אַבָּא גִזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹחָנָן וֶועגִין. אַלֶע נְבִיאִים הָאבֶּען נִישְׁט מֶער נְבִיאוֹת גִזָאגְט נָאר אוֹיף דָאס גוּטְס וָואס וֶועלִין הָאבֶּען דִיא רְשָׁעִים וָואס וֶועלִין תְּשׁוּבָה טָאהן. אָבֶּער דָאס גוּטְס וָואס דִיא אֶמֶתֶּה צַדִיקִים וֶועלִין הָאבֶּען. דָאס הָאט נָאךְ קַיין אוֹיג נִיט גִיזֶעהֶן נָאר גָאט אַלֵיין. אוּנ רַבִּי יוֹחָנָן וָואס עֶר זָאגְט אַז אֶמֶתֶּה צַדִיקִים זֶענֶען גְרֶעסֶער וִויא רְשָׁעִים וָואס טוּהֶען תְּשׁוּבָה. קְרִיגְט עֶר אוֹיף רַבִּי אַבָּהוּ. וָוארוּם רַבִּי אַבָּהוּ הָאט גִזָאגְט אוֹיף דֶעם אָרְט וואוּ דִיא רְשָׁעִים וָואס הָאבֶּען תְּשׁוּבָה גִיטָאהן וֶועלִין שְׁטֵיין. דָארְטִין וֶועלִין אֶמֶתֶּה צַדִיקִים נִיט קֶענֶען שְׁטֵיין. וָוארוּם בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה וֶועלִין זַיין גְרֶעסֶער וִויא אֶמֶתֶּה צַדִיקִים. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט הָאט גִזָאגְט שָׁלוֹם שָׁלוֹם צוּם וַוייטֶען אוּנ צוּם נָאנְטִין אוּנ אִיךְ וֶועל אִיהם הֵיילִין. פְרִיעֶר הָאט גָאט גִזָאגְט שָׁלוֹם צוּם וַוייטֶען. דֶער נָאךְ הָאט גָאט גִזָאגְט שָׁלוֹם צוּם נָאנְטֶען. וָואס מֵיינְט מֶען צוּם וַוייטֶען. דֶער וָואס אִיז גִיוֶועזֶן פְרִיעֶר וַוייט פוּן גָאט. דֶער נָאךְ אִיז עֶר גִיוָוארִין נָאנְט. עֶר הָאט גִיטָאהן תְּשׁוּבָה. אוּנ וָואס מֵיינְט מֶען צוּם נָאנְטֶען. דֶער וָואס אִיז גִיוֶועזֶן נָאנְט צוּ גָאט פוּן אָנְהֵייבּ אָן. עֶר הָאט קַיין מָאהל נִיט גֶעזִינְדִיגְט. זֶעהְן מִיר אַז אַבַּעַל תְּשׁוּבָה אִיז נֶענְטֶער צוּ גָאט וִויא אַצַדִיק. רַבִּי יוֹחָנָן זָאגְט אַז אַצַדִיק אִיז נֶענְטֶער צוּ גָאט וִוי אַבַּעַל תְּשׁוּבָה. דֶער וַוייטֶער מֵיינְט מֶען עֶר אִיז וַוייט פוּן עֲבֵירוֹת דָאס אִיז אַצַדִיק. דֶער נָאנְטֶער מֵיינְט מֶען עֶר אִיז גִיוֶועזֶן נָאנְט צוּ עֲבֵירוֹת אוּנ עֶר הָאט זִיךְ דֶער וַוייטֶערְט פוּן זֵייא. עֶר הָאט גִיטָאהן תְּשׁוּבָה. נָאךְ הָאט גִזָאגְט רַבִּי חִיָיא בַּר אַבָּא פוּן רַבִּי יוֹחָנָן וֶועגִין אַלֶע נְבִיאִים הָאבֶּען נִישְׁט מֶער נְבִיאוֹת גִזָאגְט נָאר דָאס גוּטְס וָואס וֶועט זַיין צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס גִיט זַיין טָאכְטֶער פַאר אַוַוייבּ צוּא

הפיקורוס ומגלה פנים: מפרש לקמן: גרית בשר. מילה': מכאן. מן כפדיק כזה בכתוב כי דבר ה' בזה א"ר אליעזר וכו' מחלל את קדשים דמחלל קדשים ומבזה מועדות ומגלה פנים בתורה היינו דבר ה' בזה דבזיון הוא: מפר ברית. היינו את כריתי ספר: מועדות. הולו של מועד:

חכם ולעושה פרקמטיא לתלמיד חכם ולמהנה ת"ח מנכסיו אבל ת"ח עצמן עין לא ראתה אלהים זולתך. מאי עין לא ראתה א"ר יהושע בן לוי זה יין המשומר בענביו מששת ימי בראשית ריש לקיש אמר זה עדן שלא ראתה עין מעולם. וא"ת אדם היכן דר בגן. וא"ת גן הוא עדן ת"ל (בראשית ב) ונהר יוצא מעדן להשקות את הגן:

נ פיסקא והאומר אין תורה מן השמים. ת"ר (במדבר טו) כי דבר ה' בזה ואת מצותו הפר הכרת תכרת זה האומר אין תורה מן השמים. ד"א כי דבר ה' בזה זה אפיקורוס. דבר אחר כי דבר ה' בזה זה המגלה פנים בתורה ואת מצותו הפר זה המפר ברית בשר הכרת תכרת הכרת בעה"ז תכרת בעה"ב מכאן אמר ר' אלעזר המודעי המחלל את הקדשים ומבזה את המועדות והמפר בריתו של אברהם אבינו והמגלה פנים בתורה שלא כהלכה והמלבין פני חבירו ברבים אע"פ שיש בידו תורה ומעשים טובים אין לו הלק לעה"ב תניא אידך כי דבר ה' בזה זה האומר אין תורה מן השמים ואפילו אמר כל

אַתַּלְמִיד חָכָם. אונ צוא דעם וואס מאכט אַהאַנְדֶיל צו אַתַּלְמִיד חָכָם. אונ צו דעם וואס גיט פון זיין פאר מעגין צו אַתַּלְמִיד חָכָם ער זאל פון איהם הֲנָאָה האבען. אָבער דאס גוטס וואס וועט זיין צום תַּלְמִיד חָכָם אַליין. האט קיין אויג ניט גיזעהן נאר גאט אַליין. וועלכעס איז דאס גוטס וואס קיין אויג האט נאך ניט גיזעהן. רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי זאגט דאס איז דער ווייין וואס ער איז נאך געהיט אין די טרויבען פון דער צייט וואס די וועלט איז בַּשַּׁאפען גיווארין. וועט מען אויס קוועטשין די טרויבען אונ דעם ווייין וועט מען געבין טרינקען צו די תַּלְמִידֵי חֲכָמִים. רֵישׁ לָקִישׁ זאגט דאס מיינט מען דעם עֵדֶן וואס קיין אויג האט איהם נאך ניט גיזעהן. וועסטו פרעגין וואו איז אָדָם הָרִאשׁוֹן גיוועזען. אָדָם איז גיוועזען אין גַּן. וועסטו וועלין זאגין אז גַּן איז דאס זעלבּיגע וואס עֵדֶן. זאגט דער פָּסוּק אַטייך גייט אַרויס פון עֵדֶן אָן צו טרינקען דעם גַּן. זעהן מיר אז גַּן איז אַבעזונדער אָרט אונ עֵדֶן איז אַבעזונדער אָרט. גַּן איז דער גארטין פון עֵדֶן. אונ אין דעם גארטין איז גיוועזען אָדָם. אָבער דעם עֵדֶן האט נאך קיין מענטש ניט גיזעהן:

נ פיסקא וְהָאוֹמֵר. אונ דער וואס זאגט די תּוֹרָה איז ניט גיגעבין גיווארין פון הימעל. הייסט ער אַפִּיקוֹרוֹס. די רַבָּנָן האבין גילערנט עס שטייט אין פָּסוּק די רייד פון גאט האט ער פאר שעמט. אונ זיין גיבאט האט ער פאר שטערט. זאל ער פאר שניטען ווערין: וואס מיינט מען ער האט פאר שעמט די רייד פון גאט. ער האט גיזאגט אז די תּוֹרָה איז ניט גיגעבין גיווארין פון הימעל. אַנדערע זאגין די רייד פון גאט האט ער פאר שעמט. דאס איז אַאַפִּיקוֹרוֹס. אַנדערע זאגין די רייד פון גאט האט ער פאר שעמט: דאס מיינט מען מְגַלֶּה פָּנִים בַּתּוֹרָה (ער לערנט אַפאלשין פְּשַׁט אין דער תּוֹרָה) זיין גיבאט האט ער פאר שטערט דאס מיינט מען ער האט גישטערט די מִצְוָה פון מִילָה. וועט ער פאר שניטען ווערין פון דער וועלט. אונ ער וועט פאר שניטען ווערין פון עוֹלָם הַבָּא. פון דעם פָּסוּק האט רַבִּי אֶלְעָזָר הַמּוֹדָעִי גיזאגט דער וואס האלט די היילגע פלייש פון קָרְבָּנוֹת. אַזוי וויא פּראסטע פלייש. אונ דער וואס פאר שעמט דעם ה"ל הַמּוֹעֵד ווער האלט דעם חוֹל הַמּוֹעֵד אַזוי וויא אַפּראסטין וואכעדיגען טאג. אונ דער וואס פאר שטערט די מִצְוָה פון מִילָה. אונ דער וואס לערנט אַפְּשַׁט אין דער תּוֹרָה ניט ווי דער דין איז. אונ דר וואס פאר שעמט דעם פָּנִים פון זיין חָבֵר פאר פיל מענטשין. פאר די פינף עֲבֵירוֹת אֲפִילוּ ער האט גילערנט תּוֹרָה אונ ער האט גיטאהן מִצְוֹת. פון דעסטוועגין האט ער ניט קיין חֵלֶק עוֹלָם הַבָּא. נאך אין אַבְּרַייתָא האבין מיר גילערנט עס שטייט אין פָּסוּק די רייד פון גאט האט ער פאר שעמט. דאס איז דער וואס זאגט די תּוֹרָה איז ניט גיגעבין גיווארין פון הימעל. אֲפִילוּ ער זאגט די גאנצע תּוֹרָה איז גיגעבין גיווארין

כל התורה כולה מן השמים חוץ מפסוק זה שלא אמרי הקב"ה אלא משה מפי עצמו זה הוא כי דבר ה' בזה ואפילו אמר כל התורה כולה מן השמים חוץ מרקדוק זה מקל וחומר זה מג"ש זו זהו כי דבר ה' בזה. תניא היה רבי מאיר אומר הלומד תורה ואינו מלמדה זהו דבר ה' בזה. רבי נתן אומר כל מי שאינו משגיח על המשנה. ר' נהוראי אומר כל שאפשר לעסוק בתורה ואינו עוסק. ר' ישמעאל אומר זה העובד ע"ז מאי משמע דתנא דבי רבי ישמעאל כי דבר ה' בזה זה המבזה דביך שנאמר לו למשה מסיני (שמות כ) אנכי ה' אלהיך לא יהיה לך אלהים אחרים וגו'. ר' יהושע בן קרחה אומר כל הלומד תורה ואין הוזר עליה דומה לאדם שזרע ואינו קוצר. ר' יהושע אומר כל הלומד תורה ומשכחה דומה לאשה שיולדת וקוברת. רבי עקיבא אומר זמר (ע"ג) בכל יום זמר בכל יום. אמר רב יצחק בר אבדימי מאי קראה שנאמר (משלי טז) נפש עמל עמלה לו כי אכף עליו פיהו הוא עמל במקום הזה ותורתו עומלת לו במקום אחר. א"ר

דקדוק זה. חסרות ויתרות: מקל וחומר (זה) ומג"ש (זו). (ושאמר לו רבו גזירה ש"ה) לא גמר מרבו: המשנה. זה שעושה כמי שאינה עיקר: זה העובד ע"ז. היינו דבר ה' דבור שדבר הקב"ה בעצמו לישראל דאנכי ולא יהיה לך מפי הגבורה שמעום: הוזר. לשנותה: זמר בכל יום. היה מסדר תלמודך אע"פ שסדור בפיך כזמר והוא יגרום לך שתהא לעולם הבא בשמחה ובשירים: נפש עמל עמלה לו. מפני (שעמל עמלה לו) מפני שעמל בתורה תורה עומלת לו: כי אכף עליו פיהו. מפני שהוא משים דברים בפיו תמיד כאוכף שעל החמור. ל"א זמר כלו' שעוסק בשירים ובזמירות תדיר נעשה זמר כך החוזר על התורה נעשה לו סדורה בפיו: תורה עומלת לו. שמחזרת עליו ומבקשת מאת קונה למסור לו טעמי תורה וסתריה

פון הימעל. נאר דעם פסוק האט ניט געזאגט גאט נאר משה אליין האט איהם געזאגט דאס הייסט שוין ער האט פאר שעמט די רייד פון גאט און אפילו ער זאגט דיא גאנצע תורה איז געגעבן געווארין פון הימעל נאר דאס לערנונג וואס דיא חכמים לערנען ווייל עס פעלט איין אות אין דיא תורה אדער ווייל עס איז מער צאות אין דיא תורה. דאס איז ניט געגעבן געווארין פון גאט: אדער ער זאגט דער קל וחומר איז ניט געגעבן געווארין פון גאט. אדער ער זאגט די גזרה שוה איז ניט געגעבן געווארין פון גאט. דאס הייסט ער האט פאר שעמט דיא רייד פון גאט:

מיר האבין געלערנט רבי מאיר פלעגט זאגין דער וואס לערנט תורה און ער וויל זיא ניט לערנין מיט אנדערע מענטשין; דאס הייסט אויך ער פאר שעמט די רייד פון גאט. רבי נתן זאגט דער וואס וויל ניט לערנען משניות. נאר חומש אליין. דאס הייסט אויך ער פאר שעמט דיא רייד פון גאט. ווארום אן משניות קען מען ניט וויסען וואס עס שטייט אין דיא תורה. רבי נהוראי זאגט דער וואס האט צייט צו לערנען תורה: און ער לערנט ניט. דאס הייסט אויך ער פאר שעמט דיא רייד פון גאט. רבי ישמעאל זאגט דער וואס דינט עבודה זרה הייסט אויך ער פאר שעמט דיא רייד פון גאט ווארום דבי רבי ישמעאל האט געלערנט עס שטייט אין פסוק דיא רייד פון גאט האט ער פאר שעמט. דאס מיינט מען ער פאר שעמט די רייד וואס גאט האט גערעט צו משה אויף דעם בארג סיני איך בין דיין גאט און דוא זאלסט ניט האבין קיין אנדערע געטער; און ער דינט יא צו אנדערע געטער. רבי יהושע בן קרחה זאגט דער וואס לערנט תורה און ער חזרת ניט ער זאל געדיינקען. איז דאס גלייך וויא איינער פאר זייט תבואה און ער שניידט ניט. רבי יהושע זאגט דער וואס לערנט תורה און ער פאר געסט וואס ער לערנט. איז דאס גלייך צו אשה וואס האט געבארין קינדער און הט זיי בגראבין. רבי עקיבא זאגט אפילו דוא האסט געלערנט תורה און דוא ווייסט זיא גאנץ קלאר אויסוויינינג. פון דעסטוועגין זאלסטו אלע טאג זינגען דיא תורה ווארום התורה ווערט געלערנט מיט אניגון). דורך דעם וועסטו זוכה זיין צו לערנען תורה מיט אגיזאנג צו עולם הבא. און די תורה אליין וועט זינגען צו דיר דאס מיינט מען זיא וועט דיר אויס זאגין איהרע סודות. רב יצחק בר אבדימי זאגט דאס ווייסין מיר פון דעם פסוק. נפש עמל עמלה לו. דער מענטש וואס מאטערט זיך צו וויסען וואס עס שטייט אין דיא תורה. מאטערט זיך דיא תורה פון זיינעטוועגין זיא זאל איהם אויס זאגין איהרע אלע סודות. כי אכף עליו פיהו. דאס איז אזן

א"ר אלעזר אדם לעמל נברא שנאמר (איוב ה) כי אדם לעמל יולד ואיני יודע אם לעמל פה נברא אם לעמל מלאכה נברא כשהוא אומר כי אכף עליו פיהו הוי אומר לעמל פה נברא ועדיין איני יודע אם לעמל תורה אם לעמל שיחה כשהוא אומר (יהושע א) לא ימוש ספר התורה הזה מפיך הוי אומר לעמל תורה נברא והיינו דאמר רבא כולהו גופי דרופתקי ניניהו טוביה לדזכי דהוו דרופתקי דאורייתא. (משלי ו) נואף אשה חסר לב אר"ל זה הלומד תורה לפרקים שנאמר (שם כב) כי נעים כי תשמרם בבטנך יכונו יחדו על שפתיך:

וכ"כ למה שאכף שכפף פיהו על דברי תורה: דרופתקי. טוחנין כלומר כל הגופין לעמל נבראו: טוביה לדזכי. אשריו למי שזכה והיה עמלו וטרחו בתורה. ל"א דרופתקי כיס אבוק שמשימין בו מעות כל הגופין נתקנין הם לקבל ולהכניס דברים אשריו למי שזכה ונעשה נרתק לתורה: לומד תורה לפרקים. ואינו לומד תדיר כמי שאין לו אשה ונוטל פעמים זו ופעמים זו: [כי נעים כי תשמרם]. אימתי תשמרם בבטנך בזמן שיכונו יחדו על שפתיך: לא היה לו למשה לכתוב אלא ואחות לוטן תמנע. בתמיה דבר שאינו צריך הוא וכן היה מלגלג ואומר שכתב משה שלא לצורך ולקמיה מפרש דהיינו מגלה פנים בתורה׳ וילך כו׳ וגו׳. היינו נמי

נא **ת"ר** (במדבר טו) והנפש אשר תעשה ביד רמה זה מנשה בן חזקיה שהיה יושב ודורש בהגדות של דופי אמר וכי לא היה לו למשה לכתוב אלא (בראשית לו) ואחות לוטן תמנע ותמנע היתה פלגש לאליפז (שם ל) וילך ראובן בימי קציר חטים וימצא דודאים

ווייל ער האט גימאטערט זיין מויל זיא זאל ריידין אין דער תורה. דער מענטש מאטערט זיך אויף דעם ארט. ער מאטערט זיך צו לערנען תורה. אונ די תורה מאטערט זיך פון זיינעטוועגין אויף איין אנדער ארט. צו בעטין ביי גאט מען זאל איהם אויס זאגין אלע סודות. רבי אלעזר זאגט דער מענטש איז בשאפין גיווארין ער זאל זיך מאטערין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער מענטש איז גיבארין גיווארין צו מאטערין זיך. נאר איך וויים ניט צו ער איז בשאפין גיווארין ער זאל מאטערין דיא מויל זיינע צו ריידין מיט איהר. אדער ער איז בשאפין גיווארין צו מאטערין זיך אין ארבעט. אז דער פסוק זאגט ער האט גימאטערט זיין מויל. ווייסין מיר אז ער איז בשאפין גיווארין צו מאטערין דיא מויל זיינע צו ריידין מיט איהר. ווייסין מיר נאך ניט וואס ער זאל ריידין מיט דיא מויל: תורה אדער פראסטע רייד. אז עס שטייט אין פסוק דער ספר תורה זאהל ניט אפ גיטאהן ווערין פון דיין מויל. ווייסין מיר אז ער איז בשאפין גיווארין ער זאל מאטערין דיא מויל זיינע צו ריידין דיא רייד פון דיא תורה. דאס איז וואס רבא האט גיזאגט אלע גופים (אלע מענטשין) דארפין זיך מאטערין אויף דער וועלט. נאר גוט איז דעם מענטשין וואס ער איז זוכה ער זאל זיך מאטערין אין דער תורה. עס שטייט אין פסוק דער וואס איז מזנה מיט ווייבער פעלט איהם זיין הארץ. ריש לקיש זאגט דאס מיינט מען דער וואס לערנט תורה צייטין ווייז. איז ער אזוי וויא א מענטש וואס האט נישט קיין ווייב אונ ער איז מזנה אמאהל מיט דיא ווייב אונ אמאהל מיט דיא ווייב. אונ ער קומט צו דיא זונה אמאהל צייטין ווייז. אזוי לערנט ער תורה צייטין ווייז: אמאהל אויף דעם ארט אמאהל אויף דעם ארט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ווען איז דיא תורה זיס אז דוא וועסט איהר היטען אין דיין בויך אונ זיי וועלין זיין אנגיברייט צו זאמען אויף דיינע לעפצין. דוא וועסט לערנען דיא תורה אלע טאג איין טאג נאך דעם אנדערין:

נא תנו רבנן. דיא רבנן האבין גילערנט עס שטייט אין פסוק דער מענטש וואס וועט טאהן א עבירה מיט אאויף גיהויבענע האנט דאס מיינט מען ער וועט וועלין זינדיגען געגין גאט. דאס איז גיוועזן מנשה בן חזקיה. ער איז גיזעסין אונ האט גידרשנט דרשות פון פסוקים צוא לאכין פון דער תורה. ער האט גיזאגט מער האט שוין משה נישט גיהאט צו שרייבין אין דער תורה נאר אז דיא שוועסטער פון לוטן האט גיהייסין תמנע. אונ תמנע איז גיוועזן א פילגש צו אליפז. אונ ראובן איז גיגאנגען אין דער צייט ווען מען האט געשניטען ווייץ אונ ער האט גיפונען דודאים אין פעלד: צו וואס דארפין מיר וויסין פון אזעלכע זאכין. איז ארוים גיגאנגע

דידאים בשדה יצתה בת קול ואמרה ליה (תהלים נ) תשב באחיך תדבר בבן אמך תתן דופי אלה עשית והחרשתי דמית היות אהיה כמוך וגו' ועליו מפורש בקבלה (ישעיה ה) הוי מושכי העון בחבלי השוא וכעבות העגלה חטאה מאי כעב׳ת העגלה א״ר אסי יצר הרע בתחלה דומה לחוט של בוכיא ולסוף דומה לעבות העגלה. דאתאן עלה מיהא אחות לוטן תמנע מאי היא תמנע בת מלכים הואי דכתיב (בראשית לו) אלוף לוטן אלוף תמנע וכל אלוף מלכותא בלא תאגא היא בעיא לאיגיורי באתה אצל אברהם יצחק ויעקב ולא קבלוה הלכה והיתה פלגש לאליפז בן עשו אמרה מוטב תהא שפחה לאומה זו ולא תהא גבירה לאומה אחרת נפק מינה עמלק דצערינהו לישראל מ״ט דלא איבעי להו לרחקה. וילך ראובן בימי קציר חטים אמר רבא בר יצחק אמר רב מכאן לצדיקים שאין פושטים ידיהם בגזל. וימצא דודאים בשדה מאי דודאים אמר רב יברוחי

פירוש: שלא לצורך: כחבלי השוא. כחוט בלא שום כלום היה חוטא: מלכותא בלא תאגא. שר גדול אלא שאינו מוכתר וכיון דתמנע היתה אחות מלך והאי בת מלך היא: מוטב שאהיה שפחה לאומה זו. לבני אברהם ויצחק ויעקב שהם יראי שמים ולא אהיה גבירה לאומה אחרת ולכך נעשית פלגש לאליפז בן עשו שהיה מזרע יצחק: לרחקה. מתחת כנפי השכינה שהיה להם לגיירה: בימי קציר חטים, לאחר שקצרו השדה שהכל רשאין ליכנס לתוך שדה חבירן: יברוחי. כדמתרגמינן ולא איתפרש מאי

אקול פון הימעל אונ האט גיזאגט צו איהם דוא זיצט אונ רעדסט אויף דיין ברודער נאויף משה אויף דעם זוהן פון דיין מוטער גיבסטו שלעכטע רייד. דאס האסטו גימאכן אונ אז איך וואלט געשוויגען וואלסטו גימיינט איך וויל אויך זיין וויא דוא ודוא וואלסט גימיינט אז דוא ביזט גירעכט]. אויף מנשה האט דער נביא גיזאגט וויא צו דיא מענטשין וואס זייא ציהען אויף זיך דיא עבירות מיט אפאלשין שטריק וויא טוהען אזעלכע עבירות וואס זייא האבין פון זייא גאר קיין הנאה ניט. ווארום וואס פאר הנאה האט גיהאט מנשה ווען ער האט גירעט אזעלכע ריידן. אונ וויא דיא גרעב פון דעם שטריק פון אוואגין איז זייערע זינד. [אונ זייא ווערין גישטראפט חוי פר דיא גרעסטע עבירהן. רב אסי זאגט דער פסוק מיינט דער יצר הרע איז אין אנהייב גליך צו אפאדים ופריער רעט ער אן דעם מעטש צו אקליינע עבירהן. דער נאך ווערט ער גליך צו אגראבין שטריק פון אוואגין ודר נאך רעט ער אן דעם מענטש צו גרויסע אונ גראבע עבירות]. זאגט דיא גמרא אונ אז מיר האלטען ביי דעם פסוק דיא שוועסטער פון לוטן איז גיוועון תמנע. וועלין מיר טאקי פרעגין צו וואס דער ציילט דאס דער פסוק. נאר תמנע איז גיוועון אטאכטער פון אמלך. אונ אשוועסטער פון אמלך. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אלוף לוטן אלוף תמנע. אונ ביי וועמען עס שטייט אלוף איז דער מענטש גיוועון אמלך נאר אן אקרוין. איז דאך לוטן גיוועון אמלך. אונ תמנע איז גיוועון דיא שוועסטער פון לוטן. איז זיא דאך גיוועון די שוועסטער פון אמלך. אונ געווים איז דער פאטער פון לוטן אונ תמנע אויך גיוועון אמלך. איז דאך תמנע גיוועון אטאכטער פון אמלך. האט תמנע גיוואלט זיך מגייר זיין איז זיא גיקומען צו אברהם יצחק יעקב זייא זאלין איר מגייר זיין. האבען זייא ניט גיוואלט איר מגייר זיין ווייל זיא איז גיוועון אממזרת. איז זיא גיגאנגען אונ איז גיווארין אפילגש צו אליפז דער זוהן פון עשו. אונ זיא האט גיזאגט בעסער וועל איך זיין אדינסט צו דעם פאלק וואס איז גיבארין פון אברהם. אונ איך וויל ניט זיין אפירשטען ביי דעם מאן פון אנדערע פעלקער. אונ ווייל אברהם יצחק יעקב האבען איר ניט גיוואלט מגייר זיין דריבער איז פון איר גיבארין גיווארין עמלק וואס ער האט מצער גיוועזן דיא יודין ווארום זייא האבען איר ניט גידארפט דער ווייטערין פון גאט. צו וואס דער ציילט דער פסוק אז ראובן איז גיגאנגען אין דער צייט ווען מען שניידט ווייץ. האט רבא בר יצחק גזאגט פון רבם וועגין פון דאנען זעהן מיר אז צדיקים ציהען ניט אוים דיא האנט צוא גזלן. דריבער האט ראובן גיווארט ביז מען האט אפ געשניטען דיא ווייץ פון פעלד. וואס אלע מענטשין גייען שוין אין פעלד. דער נאך איז ער גיגאנגען אין פעלד. אונ ער האט געפונען דודאים אין פעלד. וואס איז דודאים. רב זאגט דאס איז יברוחי. לוי זאגט דאס איז סיגלי

יברוחי . לוי אמר סיגלי . ר' יונתן אמר כביסקי (סיבסוך). א"ר אלכסנדראי כל העוסק בתורה לשמה משים שלום בפמליא של מעלה ובפמליא של מטה שנאמר (ישעיה כז) או יחזק במעוזי יעשה שלום לי שלום יעשה לי. רב אמר כאילו בנה פלטרין של מעלה ושל מטה שנאמר (שם נא) ואשים דברי בפיך וגו' (שם) לנטוע שמים וליסוד ארץ ר' יוחנן אמר אף מגין על כל העולם כלו שנאמר (שם) ובצל ידי כסיתיך ולוי אמר אף מקרב את הגאולה שנאמר (שם) ולאמר לציון עמי אתה . אמר ריש לקיש כל המלמד את בן חבירו תורה מעלה עליו הכתוב כאלו עשאו שנאמר (בראשית יב) ואת הנפש אשר עשו בח־ן. ר"א אומר כאילו עשאו לדברי תורה שנאמר (דברים כט) ושמרתם את דברי הברית הזאת ועשיתם אותם. רבא אומר כאילו עשאו לעצמו שנאמר ועשיתם אותם אל תקרי אותם אלא אתם. א"ר אבהו כל המעשה את חבירו לדבר מצוה מעלה עליו הכתוב כאלו עשאו שנאמר (שמות יז) וםטך

פירוש

סיה : סיגלי וסביסקי (וסבסוך). מינין אחרים סיגלי עיקרי עשבים והוא ממיני בשמים ואמהות כל אותן עשבים קרי כגלי וסביסקי (וסבסוך) מין מין בשמים : מעוז . תורה : שלום שלום . תרי זימני אחד למעלה ואחד למטה : פלטרין של מעלה ושל מטה. כדכתיב לנטוע שמים וליסוד ארץ : אשר עשו בחרן. דמתרגמינן דשעבידו לאורייתא בחרן וקרי להו עשייה : כאילו עשאו . לאותו דבר מצוה : והלא אהרן הכהן . דכתיב אמור אל

רבי יונתן זאגט דאס איז סביסקי . רבי אלכסנדראי זאגט דער מענטש וואס לערנט תורה נאר ווייל גאט האט געהייסען לערנען תורה. מאכט ער שלום צווישען דיא מלאכים וואס אין הימעל, אונ צווישען דיא מענטשין וואס אויף דער ערד . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק או יחזק במעוזי . אויב ער וועט האלטען אין מיין שטארקייט . ער וועט לערנען תורה פון מיינעט וועגין . יעשה שלום לי . וועט ער מאכען שלום צו מיר : שלום יעשה לי . שלום וועט ער מאכען צו מיר , צו וואס שטייט צוויי מאהל שלום . איין מאהל וואס ער וועט מאכען שלום אין הימעל . דאס אנדערע וואס ער וועט מאכען שלום אויף דער ערד . רב זאגט עס איז גלייך וויא ער וואלט געבאהט דעם הימעל הויבין אונ דיא ערד אונטען : אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך וועל טאהן מיינע רייד אין דיין מויל [אויב מיין תורה וועט זיין אין דיין מויל] . איז גלייך וויא דוא וואלסט גיפלאנצט דעם הימעל אונ וואלסט גימאכט דעם פונדאמענט פון דיא ערד. רבי יוחנן זאגט ער בשיצט אויף דיא גאנצע וועלט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ובצל ידי כסיתיך מיט דעם שאטען פון מיין האנט האב איך צו גידעקט אויף דיא גאנצע וועלט פון דיין זכות וועגין . לוי זאגט דורך דיין זכות וועלין דיא יודין געשווינט אויס גילייזט ווערין אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט וועט זאגין צו ציון דוא ביזט מיין פאלק . ריש לקיש זאגט דער וואס לערנט תורה מיט דעם זוהן פון זיין חבר רעכונט אויף איהם דער פסוק גלייך וויא ער וואלט איהם בשאפען . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא מענטשין וואס אברהם אונ שרה האבען בשאפען אין חרן . האבען דען אברהם אונ שרה בשאפען מענטשין . נאר זייא האבען כשייר גיווען מענטשין , רעכונט דער פסוק גלייך וויא זייא וואלטין דיא מענטשין בשאפען . רבי אלעזר זאגט גאט רעכונט אויף איהם גלייך וויא ער וואלט זימאכט דיא תורה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז איר וועט היטען דיא רייד פון דעם ברית ודאס מיינט מען אז איר וועט מאכען אהיטונג צו דער תורה . איר וועט לערנען תורה צו תלמידים . דורך דעם וועט דיא תורה געהיט ווערין זי זאל בלייבין אויף אייביג . ווארום דיא תלמידים וועלין לערנען מיט אנדערע תלמידים אונ אזוי וועט זיין ביז אייביג] איז גלייך וויא איר וואלט גימאכט דיא רייד פון דער תורה . רבא זאגט עס איז גלייך וויא ער וואלט זיך אליין בשאפען . ווארום עס שטייט אין פסוק אז איר וועט היטען דיא רייד פון דעם ברית . ועשיתם אותם . זאלסט ניט לייענען אותם : זייא : נאר זאלסט לייענען אתם . איר . עס איז גלייך ועשיתם אתם . וויא איר וואלט זיך אליין גימאכט . רבי אבהו זאגט דער וואס מאכט אז דיין חבר זאל טאהן א מצוה רעכונט אויף איהם דער פסוק גלייך וויא ער אליין וואלט גיטאהן דיא מצוה אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צוא

וכטך אשר הכית בו את היאור וכי משה הכה את היאור והלא אהרן הכהו אלא לומר לך כל המעשה את חברו לדבר מצוה מעלה עליו הכתוב כאילו עשאו :

נב פיסקא אפיקורוס רב ורבי חנינא אמרי תרוייהו זה המבזה תלמיד חכם רבי יוחנן ורבי יהושע בן לוי אמרי זה המבזה חברו בפני תלמיד חכם בשלמא למאי דאמר המבזה חברו בפני תלמיד חכם אפיקורוס הוי מבזה תלמיד חכם עצמו מגלה פנים בתורה שלא כהלכה הוי אלא למאן דאמר מבזה תלמיד חכם עצמו אפיקורוס הוי מגלה פנים בתורה נגון מאן כגון מנשה בן חזקיה ואיכא דמתני לה אסיפא מגלה פנים בתורה רב ורבי חנינא אמרי זה המבזה תלמיד חכם רבי יוחנן ור' יהושע בן לוי אמרי זה המבזה את חברו בפני ת"ח בשלמא למאן דאמר המבזה ת"ח עצמו מגלה פנים בתורה הוי מבזה חברו בפני ת"ח אפיקורוס הוי אלא למ"ד המבזה חבירו בפני תלמיד חכם מגלה פנים בתורה הוי אפיקורוס כגון מאן א"ר יוסף כגון הני דאמרי מאי אהנו לן רבנן לדידהו קרו לדידהו תנו א"ל

תהנן קה מטך ונטה ידך :
מגלה פנים בתורה. מעיז פנים כלפי עוסקי תורה מגלה פנים משמע לן דהמיר מהאפיקורוס דהאפיקורוס היינו דלית ביה הפקירותא בעלמא : אלא למ"ד מבזה ת"ח עצמו אפיקורוס הוי. כ"ש למבזה חברו בפני ת"ח לאו מגלה פנים בתורה הוי והכא מגלה פנים מאי היא : מנשה בן חזקיה. שהיה דורש באגדות של דופי : איכא דמתני לה אסיפא. דברייתא דקתני מכאן אר"א וכו' המגלה פנים בתורה רב ורבי חנינא וכו' : מה אהנו לן.

משה אונ דיין שטעקן וואס דוא האסט מיט איהם געשלאגן דעם טייך. האט דען משה געשלאגן דעם טייך. אהרן האט דאך געשלאגן דעם טייך. נאר דער פסוק זאגט אונז דער וואס מאכט זיין חבר זאל טאהן א מצוה, רעכענט אויף איהם דער פסוק גלייך וויא ער אליין וואלט געטאהן דיא מצוה. דריבער אז משה האט געזאגט צו אהרן ער זאל שלאגן דעם טייך. איז גלייך ווי משה אליין וואלט איהם געשלאגן :

נב פיסקא. אפיקורוס. ווער הייסט אן אפיקורוס רב אונ רבי חנינא זאגן ביידע דער וואס פאר שעמט א תלמיד חכם הייסט ער אן אפיקורוס. רבי יוחנן אונ רבי יהושע בן לוי זאגן ביידע דער וואס פאר שעמט זיין חבר פאר א תלמיד חכם הייסט ער אן אפיקורוס. זאגט דיא גמרא דער וואס זאגט אז מען פאר שעמט א חבר פאר א תלמיד חכם איז מען אן אפיקורוס. אונ דער וואס פאר שעמט דעם תלמיד חכם אליין הייסט ער מגלה פנים בתורה שלא כהלכה [גם איז גרייך ווי ער וואלט געלערנט א פשט אין דער תורה ניט וויא דער דין איז, ווארום אז ער האט פיינט דעם תלמיד חכם וויל ער דאך ניט לערנען דעם פשט אין דער תורה וויא דער תלמיד חכם זאגט. נאר וויא ער אליין וויל. איז דאך דאס ניט וויא דער דין איז. אונ אז מען לערנט א פשט אין דער תורה ניט וויא דער דין איז. האט מען ניט קיין חלק עולם הבא]. אבער דער וואס זאגט אז מען פאר שעמט דעם תלמיד חכם אליין איז מען אן אפיקורוס. ווער הייסט מגלה פנים בתורה. דאס איז מנשה בן חזקיה [אזוי וויא עס שטייט אין סימן נא] אנדערע לערנען דם אויף דעם סוף פון דער ברייתא. ווער הייסט א מגלה פנים בתורה. רב אונ רבי חנינא זאגן דער וואס פאר שעמט א תלמיד חכם. רבי יוחנן אונ רבי יהושע בן לוי זאגן דער וואס פאר שעמט זיין חבר פאר א תלמיד חכם. זאגט דיא גמרא דער וואס זאגט אז מען פאר שעמט א תלמיד חכם הייסט מען מגלה פנים בתורה. אבער אז מען פאר שעמט א חבר פאר א תלמיד חכם. הייסט מען אפיקורוס אבער דער וואס זאגט אז מען פאר שעמט א חבר פאר א תלמיד חכם הייסט מען מגלה פנים בתורה. ווער הייסט אפיקורוס. האט רב יוסף געזאגט דיא מענטשן וואס זאגן וואס פאר א טובה טוהען אונז דיא רבנן. זייא לערנען תנ"ך פאר זיך. זייא לערנען משנה פאר זיך. דיא מענטשן הייסן אפיקורסים. האט אביי געזאגט צו רב יוסף די מענטשן הייסן דאך מגלה פנים בתורה. ווארום זייא קריקען דאך אין די תורה. ווארום דיא תורה האט דאך געזאגט דיא מענטשן וואס לערנען תורה טוהען זייא א טובה דיא גאנצע וועלט. אז

א"ל אביי האי מגלה פנים בתורה נמי הוא דכתיב (ירמיה לג) אם לא בריתי יומם ולילה חקות שמים וארץ לא שמתי א"ר נחמן בר יצחק מהכא נמי שמע מינה שנאמר (בראשית יח) ונשאתי לכל המקום בעבורם אלא כגון דיתיב קמי רביה ונפלה ליה שמעתא בדוכתא אחריתי ואמר הכי אמרינן התם ולא אמר הכי אמר מר. רבא אמר כגון הני דבי בנימין אסיא דאמרי מאי אהנו לן רבנן מעולם (דף ק) לא שרו לן עורבא ולא אסרו לן יונה. רבא כי הוו מייתי טרפה דבי בנימין קמיה כי הוה חזי ביה טעמא להתירא אמר להו התחזו דקא שרינא לכו עורבא כי הוי חזי ליה טעמא לאיסורא אמר להו התחזו דקא אסרנא לכו יונה:

וכה אין יודעין שהעולם מתקיים עליהם: מגלה פנים בתורה אף שכופר במה שכתוב בתורה: אם לא בריתי יומם ולילה. וגו' שמגינין לעולם מקיימין אותו והוא אומר דלא מהני מידי: מהכא. נמי שמי ינן שהצדיקים מגינין לאחרים: לא שרו לן עורבא. לא אמרו לנו דבר חדש שלא מצינו בתורה (דשרי לן עורבא): דקא שריק למו עורבא. שהיתר זה אינו מצוי בתורה אלא שבועיים אמרוהו: כגון דאמר הני רבנן. כאדם שאומר אותו ת"ה דלשון ביזוי הוא זה שהיה לו לומר רבותינו דמקום פלוני: נ"ה דאמר הני רבנן דכשהוא מספר שום דבר מרבנן אומר הני (רבנן) ולשון גנאי הוא הני אבל הנהי רבנן אינו גנאי: כי מטו מגלת אסתר. נהקן לה מטפחת אמרי הא מגלת אסתר לא בעיא מטפחת כלומר בגשון בעיא אמרי ליה

נג רב פפא אמר כגון דאמר הני רבנן רב פפא אישתלי ואמר כגון הני רבנן ואיתיב בתעניתא. לוי בר שמואל ורב הונא בר חייא הוו קא מתקני מטפחות ספרי דבי רב יהודה כי מטו מגלת אסתר אמרי הא מגלת אסתר לא בעיא מטפחת אמר להו כי האי גונא נמי מיחזי כי אפקירותא רב נחמן

וויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִם לֹא בְּרִיתִי יוֹמָם וָלָיְלָה ווען יוּדִין וואלטין נִיט לֶערְנֶען דִיא תּוֹרָה טָאג אוּנ נאכט חֻקּוֹת שָׁמַיִם וָאָרֶץ לֹא שָׂמְתִּי וואָלט אִיךְ נִיט דֶער הַאלְטֶען דִיא וֶועלְט. נָאר אִיךְ וָואלְט זיא ווִיכְט גִימַאכְט. אוּנ עֶר לֵייקֶענְט דֶעם פָּסוּק. עֶר זָאגְט אָן תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ שְׁטֵיין דִיא וֶועלְט. רב נַחְמָן בַּר יִצְחָק זָאגְט פוּן דֶעם פָּסוּק וֵוייסְין מִיר אוֹיךְ אַז צַדִיקִים טוּהֶען אַטּוֹבָה דִיא וֶועלְט. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק בַּיי סְדוֹם. אוֹיבּ עֶס וֶועגֶען דָא צַדִיקִים. וֶועל אִיךְ מוֹחֵל זַיין דִיא עֲבֵירוֹת פוּן דִיא רְשָׁעִים פוּן וֶועגֶין דִיא צַדִיקִים. נָאר אַז אַתַּלְמִיד זִיצְט פַאר זַיין רֶבִּי אוּנ עֶס אִיז אִיהם אַריין גִיפַאלֶען אִין דִיא גִידַאנְקֶין אַדִין פוּן אַיין אַנְדֶער מַסֶּכְתָּא. אוּנ עֶר זָאגְט צוּם רֶבִּי אַזוֹי הָאבֶּען מִיר דָארְט גְזָאגְט. אוּנ עֶר זָאגְט נִיט אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי דָארְט גְזָאגְט. דֶער הייסְט אַפִּיקוֹרוֹס. רָבָא זָאגְט אַזוֹי וויא דִיא קִינְדֶער פוּן בִּנְיָמִין דֶעם דָאקְטָאר. וָואס זֵייא זָאגִין וָואס פַאר אַטוֹבָה הָאבֶּען אוּנְז דִיא רַבָּנָן גִיטָאהן. אַלְץ וָואס דִיא רַבָּנָן זָאגִין שְׁטֵייט אִין דֶער תּוֹרָה. זֵייא הָאבֶּען אוּנְז נִיט גִימַאכְט אַנַייעֶם אִיסוּר אוּנ נִיט אַנַייעֶם הֶיתֵּר זֵייא הָאבֶּען אוּנְז קֵיין מָאהל נִיט מַתִּיר גִיוֶועז אַקְרָאה. אוּנ זֵייא הָאבֶּען אוּנְז קֵיין מָאהל נִישְׁט גִיאַסְרְת אַטָאהבּ. זֵייא הֵייסֶען אַפִּיקוֹרְסִים. אוּנ אַז מֶען פְרֶעגְט בְּרֵיינְגֶען צַשְׁאֵלָה פוּן בִּנְיָמִין דֶעם דָאקְטָאר פַאר רָבָא. אַז רָבָא הָאט גִיזֶעהן דִיא שְׁאֵלָה אִיז כָּשֵׁר. פְּלֶעגְט עֶר זָאגִין צוּ דִיא מֶענְטְשִׁין פוּן בִּנְיָמִין זֶעהט אִיךְ בִּין מַתִּיר אַקְרָאה וָוארוּם אִין דֶער תּוֹרָה שְׁטֵייט נִיט דָאס זָאל זַיין כָּשֵׁר. נָאר דִי רַבָּנָן מַאכֶען דָאס כָּשֵׁר. אוּנ אַז רָבָא הָאט גִיזֶעהן דִיא שְׁאֵלָה אִיז טְרֵפָה. פְּלֶעגְט עֶר זָאגִין צוּ דִי מֶענְטְשִׁין פוּן בִּנְיָמִין זֶעהט אִיךְ מַאךְ אָסוּר אַטָאהבּ. וָוארוּם אִין דֶער תּוֹרָה שְׁטֵייט נִיט דָס זָאל זַיין אָסוּר. נָאר דִי רַבָּנָן מַאכֶן דָס אָסוּר:

נג רַב פָּפָּא זָאגְט דֶער וָואס זָאגְט דִיא רַבָּנָן וּכְמָשָׁל עֶר זָאגְט דָא גֵייעֶן דִיא רַבָּנָן. הֵייסְט עֶר אַפִּיקוֹרוֹס. וָוארוּם דִיא וֶוערְטֶער דִיא רַבָּנָן. אִיז נִיט שֵׁיין צוּ זָאגִין אוֹיף רַבָּנָן. מֶען דארְף זָאגֶען אוּנְזֶערֶע רַבָּנָן וּכְמָשָׁל עֶר זָאגְט דָא גֵייעֶן אוּנְזֶערֶע רַבָּנָן. רַב פָּפָּא הָאט אַמָאהל פַאר גֶעסִין אוּנ הָאט גִזָאגְט דִיא רַבָּנָן. הָט עֶר גִיפַאסְט. לֵוִי בַּר שְׁמוּאֵל אוּנ רַב הוּנָא בַּר חִיָּיא הָאבֶּען גִימַאכְט מֶענְטֶעלַאךְ צוּ דִי סְפָרִים פוּן רַב יְהוּדָה אַז זֵייא זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ מְגִלַּת אֶסְתֵּר. הָאבֶּען זֵייא גִיזָאגְט דִיא מְגִלַּת אֶסְתֵּר דַארְף נִיט קֵיין מֶענְטֶעלֶע. הָאט רַב יְהוּדָה צוּ זֵייא גְזָאגְט דִיא וֶוערְטֶער זֶעהט אוֹיךְ אוֹיס וויא אַפִּקוֹרְסוּת. וָוארוּם אִיךְ בִּין אַייעֶר רֶבִּי הָאט אִיר גִידַארְפְט בַּייא מִיר פְרֶעגִין צוּ מֶען זָאל מַאכֶען אַמֶענְטֶעלֶע צוּ מְגִלַּת אֶסְתֵּר אָדֶער נֵיין. אוּנ ווארְטִין בִּיז אִיךְ

נחמן אמר זה הקורא רבי בשמו דא"ר יוחנן מפני מה נענש גיחזי מפני שקרא לרבו בשמו שנאמר (מ"ב ח) ויאמר גיחזי אדני המלך זאת האשה וזה בנה אשר החיה אלישע. יתיב רבי ירמיה קמיה דרבי זירא ויתיב וקאמר עתיד הקב"ה להוציא (מעין) נחל מבית קדשי הקדשים ועליו כל מיני מגדים שנאמר (יחזקאל מז) ועל הנחל יעלה על שפתו מזה ומזה כל עץ מאכל לא יבול עלהו ולא יתום פריו לחדשיו יבכר כי מימיו מן המקדש המה יוצאים והיה פריו למאכל ועלהו לתרופה א"ל ההוא סבא יישר וכן א"ר יוחנן א"ל ר' ירמיה לר' זירא כי האי גוונא מיחזי אפקירותא א"ל האי סיועי קא מסייע לך אלא אי שמיע לך הא שמיע לך כי הא דיתיב ר' יוחנן וקא דריש עתיד הקב"ה להביא אבנים טובות ומרגליות שהם שלשים על שלשים אמ"ת (והוקק) [וחקוק] בהם י' ברום עשרים ומעמידם בשערי ירושלים שנאמר (ישעיה נד) ושמתי כדכד שמשותיך ושעריך לאבני אקדח וגו' לגלג עליו אותו תלמיד השתא כביעתא דצלצלא

לרב יהודה הא והאי לא צריכה מטפחת כגון באתרות ולשון גנאי הוא דהוה להו למימר לרבה בלשון שאלה כך צריכה הו איכה צריכה : בשמו. שאומר פלוני ואינו אומר מורי רבי פלוני : מעין מבית ה'. יצא והשקה את נחל שטים (יואל ד) : מגדים. דינטר"ש בלע"ז כל מיני פירות מתוקים : יבכר. בכל חדש וחדש יתבשלו בו פירות : א"ל ההוא סבא יישר וכן א"ר יוחנן. כדברך ורבי יוחנן נמי ה"ק כדאמרת ולא גרסינן וכן א"ר יוחנן יישר : כי האי גוונא. מי מחזי כאפקירותא : אלא אי שמיע לך מידי הא שמיע לך. לגלג עליו אותו תלמיד אד ר"י דהיינו אפקירותא : כדכד. אבן טובה וכך שמה : שמשותיך. (כמו שמש ומגן מ"ל ונראה לי שמשותיך) הלונות שהשמש זורח בהן [כמו שמש ומגן] (ושמש ומגן) היינו שמש גמש : לאבני אקדח. שהקב"ה חוקקן כנמקדח עד שחוקק

וועל איך זאגין. אבער ניט איר זאלט אייך איין פסקנן אדין אז מגלת אסתר דארף ניט קיין מענטעלע. רב נחמן זאגט אז מען רופט א רבי ביי זיין נאמען און מען רופט איהם ניט רבי. איז מען אאפיקורוס. ווארום רבי יוחנן זאגט פאר וואס איז גיחזי גילטראפט גיווארין וייל ער האט גירופען זיין רבי ביי זיין נאמען און ער האט איהם ניט גירופען רבי. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גיחזי האט גזאגט צום מלך אדני המלך דאס איז דיא אשה און דאס איז איר זוהן וואס אלישע האט לעבעדיג גימאכט. און ער האט ניט גזאגט מיין רבי אלישע. רבי ירמיה איז גיזעסין פאר רבי זירא און האט גזאגט גאט וועט אמאהל ארויס ציהען א טייך פון קדשי קדשים. און ביי דעם טייך וועלין וואקסען אלע מינים זיסע פרוכטין: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק און ביי דעם טייך וועט אויף גיין ביי דעם ברעג פון דער זייט טייך און פון דער זייט טייך צרעערליי בוימער מיט פרוכטין צום עסין. זיינע בלעטער וועלין ניט פארוויאלקעט ווערין. און זיינע פרוכטין וועלין זיך ניט אויס לאזין. אלע חודש וועלין צייטיג ווערין פרוכטין ווייל דיא וואסער גייט ארויס פון בית המקדש דריבער וועלין זיין דיא פרוכטין צום עסין ועלהו לתרופה און דיא בלעטער צו צהיילונג. האט אאלטער מאן גזאגט צו רבי ירמיה דיין כח זאל גישטארקט ווערין ווייל דוא האכט שיין גידרש'ת. און רבי יוחנן האט אויך אזוי גידרש'ת. האט רבי ירמיה גזאגט צו רבי זירא דאס זעהט דאך אויס וויא אפקורסות פון דעם צלטען. אז ער האט ניט גיוואלט גלויבין דעם פראסטין פשט פון פסוק וויא איך האב גילערונט. דאט רבי זירא גזאגט צו רבי ירמיה פאר קערט דער אלטער גלויבט יא וויא דוא זאגסט. ער העלפט דיר נאך. ער זאגט רבי יוחנן האט אויך אזוי גזאגט וויא דוא. נאר אויב דוא האכט גהערט אז אתלמיד האט גילאכט פון רבי יוחנן. האסטו דאס גיהערט. רבי יוחנן איז אמאהל גיזעסן און דט גידרש'ת גאט וועט ברייגגען בריליאנטען און פעריל וואס דיא לייגג פון יעדער דימאנט און פון יעדער פעריל וועט זיין דרייסיג איילין און דיא ברייט וועט זיין דרייסיג איילין: און אינווייניג וועט מען אויס זעגין אשטיק וואס וועט זיין ברייט צעהן איילין און הויך צוואנציג איילין. און מען וועט דיא ברילאנטין שטעלין אין דיא טויערין פון ירושלים: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך וועל טאהן דעם דימאנט כדכד אין דיינע פענסטער און דיינע טויערין וועלין זיין דימאנטין וואס הייסין אקדח ווייל פון זייא וועט זיין אין מיטען אויס געשניטען אשטיק צעהן איילין די ברייט און צוואנציג איילין דיא הייך. האט אתלמיד גילאכט פון רבי יוחנן. מאראך מען געפינט

דצלצלא לא משכחינן כולי האי משכחינן לימים הפליגה ספינתו בים חזינהו למלאכי השרת דקא מנסרי אבנים טובות ומרגליות אמר להו הני למאי אמרי ליה עתיד הקב"ה להעמידן בשערי ירושלים כי הדר אשכחיה לר׳ יוחנן דיתיב וקא דריש א"ל רבי דרוש ולך נאה לדרוש כשם שאמרת כך ראיתי אמר לו ריקה אם לא ראית לא האמנת מלגלג על דברי חכמים אתה יהב ביה עיניה ועשאו גל של עצמות. מיתיבי (ויקרא כו) ואולך אתכם קוממיות ר׳ מאיר אומר מאתים אמה כשתי קומות של אדם הראשון ר׳ יהודה אומר מאה אמות כנגד היכל וכתליו שנאמר (תהלים קמד) אשר בנינו כנטיעים מגודלים בנעוריהם בנותינו כזויות מחוטבות תבנית היכל כי קאמר ר׳ יוחנן לכוי דבי זיקא:

נד מאי (יחזקאל מז) ועלהו לתרופה רב יצחק בר אבדימי ורב חסדא חד אמר להתיר פה של

כנס עשר נרות עשרים: צלצלא. עוף קטן: גל של עצמות. שמת דאדם שמת נעשה גל של עצמות: קוממיות. ב׳ קומות של אדה"ר כדאמרי׳ במסכת חגיגה שמיעטו הקב"ה והעמידו על מאה אמה שנאמר ותשת עלי כפכה כף בגמטריא הכי הוו: כנגד היכל וכתליו. שכך היה אורך כל ההיכל עם הכתלים דכתיב והבית אשר בנה המלך שלמה לה׳ ששים אמה ארכו וכותל מזרח שש אמות וכותל מערב שש אמות ואמה טרקסין הרי י"ג אמות ואולם עשר אמה רוחב וכותל האולם שש הרי כ"ט ומאחורי האולם תא אחת רחבו שש וכותלו ה׳ הרי מ׳ אמה ושתים אמה של אורך הבית הרי מאה ואלך יכולין לגוף קומתן וליכנס בפתח שאין לו אלא רום כ׳ כדאמרת: אשר בנינו. כלומר בנים שלנו יהיו לעתיד כאילנות גבוהים מגודלים: ובנותינו. בנות שלנו כזויות המחוטבות להבנית היכל כלומר ככותל היכל מחוטבות כמו מחוטב עליך. לא אהיכל דבית שני קאמר וקים לן היכל ב׳ אורך ברוחב מאה הוה: לכוי דבי זיקא. לחלונות שבשמש והאורה נכנסין בהם אבל השערים גבוהים יותר:

להתיר פה של מעלה. להתיר פה אלמים שיהיו מדברים: להתיר פה של מטה. רחם שכל

ניט אַדימאַנט וואָס ער זאָל זיין גרויס וויא אַאֵיי פון דעם פויגיל צלְצְלָא. וועט מען געפינען דימאַנטען וואָס זאָלין זיין גרויס דרייסיג איילין אַליינג און דרייסיג איילין אַבּרייט. אַמאָהל איז דער תּלְמִיד גיפאָרין אין אַשיף אויף דעם ים האָט זיך דיא שיף זיינע דער ווייטערט אויף דעם ים. האָט ער גיזעהן וויא מַלְאָכִים זעגין דימאַנטען און פּערִיל. האָט דער תּלְמִיד גיזאָגט צו דיא מַלְאָכִים צו וואָס זעגט איר דיא דימאַנטין מיט דיא פּערִיל. האָבּען דיא מַלְאָכִים גיזאָגט צום תּלְמִיד גאָט וועט שטעלין דיא דימאַנטין אין דיא טויערין פון יְרוּשָׁלַיִם. דער נאָך אַז דער תּלְמִיד האָט גיטראָפין רַבִּי יוֹחָנָן זיצט און דַרְשְׁת. האָט דער תּלְמִיד גיזאָגט צוא רַבִּי יוֹחָנָן רַבִּי דוא מעגסט דַרְשָׁנֶען און פאַר דיר איז שיין דוא זאָלסט דַרְשָׁנֶען. אַזוי וויא דוא האָסט גיזאָגט אַזוי האָב איך גיזעהן. האָט רַבִּי יוֹחָנָן גיזאָגט צום תּלְמִיד אַז דוא וואָלסט ניט גיזעהן וואָלסטו ניט גיגלויבּט. לאַכסטו פון דיא רייד פון דיא חֲכָמִים. האָט רַבִּי יוֹחָנָן אַקוק גיטאָהן אויף דעם תּלְמִיד. איז פון דעם תּלְמִיד גיוואָרין אַבּאַרג בּיינער. פרעגט דיא גְמָרָא עס שטייט אין פָּסוּק וָאוֹלֵךְ אֶתְכֶם קוֹמְמִיוּת. איך וועל אייך פירען וויא צְווֵיי הייכין. רַבִּי מֵאִיר זאָגט יעדער מענטש וועט זיין הויך צְווֵיי הונדערט איילין. צְווֵיי מאָהל אַזוי הויך וויא אָדָם הָרִאשׁוֹן איז גיוועזען. רַבִּי יְהוּדָה זאָגט יעדער מענטש וועט נאָר זיין הויך הונדערט איילין. אַזוי וויא דער הֵיכָל מיט זיינע ווענט זענען. אַזוי וויא עס שטייט אין פָּסוּק אֲשֶׁר בָּנֵינוּ כִּנְטִיעִים מְגוּדָּלִים [אונזערע זיהן וועלין וואַקסען וויא דיא בּיימער אין זייער יוגענד]. בְּנוֹתֵינוּ כְּזָוִיּוֹת מְחוּטָּבוֹת תַּבְנִית הֵיכָל [אונזערע טעכטער זענען וויא דיא ווינקלען אויס גיהאַקט וויא דער גישטאַלט פון הֵיכָל]. זעהן מיר אַז דיא מענטשין וועלין זיין הויך צְווֵיי הונדערט איילין אָדער הונדערט איילין. און אַמענטש פון צְווֵיי הונדערט איילין אָדער פון הונדערט איילין קען זיך דאָך ניט איינבּייגין און דורך גיין דורך אַטויער וואָס ער איז הויך נאָר צוואַנציג איילין. ענטפערט דיא גְמָרָא רַבִּי יוֹחָנָן מיינט ניט מען וועט דורך גיין דורך דעם טויער. דאָס העט נאָר זיין פענסטער דער לופט זאָל אַריין גיין. אָבער דער טויער וועט זיין העכער אַמענטש זאָל קענען דורך גיין:

נד מַאי. וואָס מיינט מען וְעָלֵהוּ לִתְרוּפָה. רַב יִצְחָק בַּר אַבְדִימִי און רַב חִסְדָא קריגען. איינער זאָגט לִתְרוּפָה איז צְווֵיי ווערטער לְהַתִּיר פֶּה. אויף צו מאַכען דיא מויל:

של מעלה וחד אמר להתיר פה של מטה. איתמר נמי חזקיה אמר להתיר פה אלכים בר קפרא אמר להתיר פה עקרות ר' יוחנן אמר להרופה ממש מאי להרופה רבי שמואל בר נחמני אמר לתואר פנים של בעלי הפה:

העקרות האוכלות מן העלין נפקדות: איתמר נמי חזקיה וכו'. והיינו הך דלעיל לתרופה: מראהו כלבנון. וכתיב לעיל מיניה שחורות כעורב וכמיך ליה חכו ממתקים: ירוין מדשן ביתך. דלעיל מיניה מהאי קרא מיירי עניים דמרעיב את עצמו וקאמר ירוין מדשן ביתך בהקב"ה

נה דרש ר' יהודה בר סימון כל המשחיר (פנים) [פניו] על דברי תורה בעולם הזה הקב"ה מבהיק זיוו לעוה"ב שנאמר (ש"ה ה) מראהו כלבנון בחור כארזים. א"ר תנחום ברבי חנילאי כל המרעיב עצמו על דברי תורה בעה"ז הקב"ה משביעו לעולם הבא שנאמר (תהלים לו) ירוין מדשן ביתך ונחל עדניך תשקם. כי אתא רב דימי אמר עתיד הקב"ה ליתן לכל צדיק וצדיק מלא עומסו שנאמר (שם סח) ברוך ה' יום יום יעמס לנו האל ישועתנו סלה א"ל אביי וכי אפשר לומר כן והלא כבר נאמר (ישעיה מ) מי מדד בשעלו מים ושמים בזרת תכן א"ל מאי טעמא לא שכיחת

העכבע מויל. דיא אויבערשטע מויל. אז אשטומער וועט עסין פון דיא בלעטער וועט ער קענען אנהייבין ריידען. אונ איינער זאגט מען מיינט דיא אונטערשטע מויל. אאשה וואס קען ניט האבען קינדער אז זיא וועט עסין דיא בלעטער וועט זיא קענען האבען קינדער. זאגט דיא גמרא מיר האבען אויך אזוי גילערונט. חזקיה זאגט דיא בלעטער וועלין אויף מאכען די מויל פון דיא שטומע. בר קפרא זאגט דיא בלעטער וועלין אויף מאכען דיא מויל פון דיא עקרות. זייא זאלין קענען האבען קינדער. רבי יוחנן זאגט תרופה איז דער טייטש אהיילונג. דיא בלעטער וועלין זיין אהיילונג צו יעדער קראנקייט. פרעגט דיא גמרא האט דאך גידארפט שטיין ועלהו התרופה: דיא בלעטער זענען אהיילונג צו יעדער קראנקייט. פאר וואס שטייט לתרופה. איז דאך דער למ"ד איבעריג. זאגט רבי שמואל בר נחמני לתרופה מאכט לתואר פנים של בעלי הפה. דיא מענטשין וואס ריידין שטענדיג מיט דעם מויל אין דער תורה. אונ זייער פנים איז פאר שווארצט פון טאג אונ נאכט אויף זיין. וועלין זיי עסין פון די בלעטער. וועלין זיי בעקומען אשיינעם פנים:

נה דרש. רבי יהודה בר סימון האט גידרשנט דער וואס מאכט שווארץ זיין פנים אויף דער תורה אויף דיא וועלט. וועט גאט מאכין לייכטין זיין פנים צו עולם הבא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער וואס זיין פנים וועט זיין שווארץ וויא אקראה פון דיא פיל תורה לערנען. אונ פון פיל מאטערניש וועט ער אויס זעהן אלט וועט גאט מאכין לייכטין זיין פנים וויים. אונ ער וועט ווערין יונג אונ שטארק אזוי וויא אטענען בוים. רבי תנחום בר רבי חנילאי זאגט דער וואס מאכט זיך הונגעריג אויף דער תורה אויף דיא וועלט [אפילו ער איז ארעם אונ האט ניט וואס צו עסין אונ איז הונגעריג פון דעסטוועגין לערונט ער תורה] וועט איהם גאט זאט מאכין צו עולם הבא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייא ווערין זאט ווערין פון דעם פעטקייט פון דיין הויז אונ פון דעם טייך פון דיין עדן וועסטו זייא געבין טרינקען. אז רב דימי איז גיקומען האט ער געזאגט גאט וועט געבין צו יעדער צדיק פולע הענט מיט גוטס. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ברוך ה' יום יום יעמס לנו האל ישועתנו סלה. גילויבט איז גאט אלע טאג גיט ער אונז פולע הענט מיט גוטס. גאט איז אונזער הילף אויף אייביג. האט אביי גיזאגט צו רב דימי קען מען דען אזוי זאגין עס שטייט דאך אין פסוק מי מדד בשעלו מים ושמים בזרת תכן. ווער האט גימאסטין מיט אמאס דיא וואסער אונ דעם הימעל האט ער אנגיברייט מיט דעם פינגער וואס הייסט זרת. זעהן מיר דאך אז דער פינגער זרת פאר נעמט דיא גאנצע וועלט. אונ אז גאט גיט אפולע האנט גוטס. וויא אזוי קען דאס דער מענטש צו נעמען אונ וואו וועט ער דאס לייגין. האט רב דימי גיזאגט צו אביי פאר וואס ביזט דוא ניט גיוואהנט צו לערנען אגדתא. מען האט גיזאגט אין ארץ ישראל פון רבא בר מרים וועגין

שכיחת באגדתא דאמרי במערבא משמיה דרבא בר מרי עתיד הקב"ה ליתן לכל צדיק וצדיק שלש מאות ועשרה עולמות שנאמר (משלי ח) להנחיל אוהבי יש וגו' יש בגימטריא תלת מאה ועשרה הוי. תניא ר' מאיר אומר במדה שאדם מודד מודדין לו דכתיב (ישעיה כז) בסאסאה בשלחה תריבנה. אמר ליה (ר' יהודה) [ר' יהושע] וכי אפשר לומר כן אדם נותן מלא עומסו לעני בעה"ז הקב"ה נותן לו מלא עומסו לעה"ב והא כתיב (שם מ) ושמים בזרת תכן ואתה אי אומר כן אי זה הוא מדה מדה טובה מרובה או מדת פורענות (שם ע"ב) הוי אומר מדה טובה מרובה ממדת פורענות במדה טובה כתיב (תהלים עח) ויצו שחקים ממעל ודלתי שמים פתח וימטר עליהם מן לאכול ודגן שמים נתן למו ובמדת פורענות הוא אומר (בראשית ז) וארובות השמים נפתחו במדת פורענות כתיב (ישעיה סו) ויצאו וראו בפגרי האנשים הפושעים בי כי תולעתם לא תמות ואשם לא תכבה והיו דראון לכל בשר והלא אדם מושיט אצבעו באור בעולם הזה מיד

פירוש

מהכיפן לעוה"ב: מלא עומסו. מלא חפניו של הקב"ה טובה: וכי אפשר לומר כן. היאך אדם יכול לקבל מלא עומסו של הקב"ה והרי אין לו מקום ליתן דכל העולם כולו אינו אלא כמזרת ועד אגודל: שלש מאות וכו'. כאותן עולמות יקבל הצדיק את השומם: במדה שאדם מודד. אם מדד ונתן צדקה לעני מלא חפניו הקב"ה מודד בחפניו ונותן לו: וכי אפשר לומר כן. שיהא הקב"ה נותן לאדם מלא חפנו והלא אינו יכול לסבול כל כך: הוי אומר מדה טובה מרובה ממדת פורענות. דבמדה טובה כתיב דלתות ובמדת פורענות כתיב ארובות ודלת גדול מארובה דארבעה ארובות יש בדלת במס' יומא בפרק יוה"כ אלמא מדה טובה מרובה ומעכשיו אין לתמוה היאך יש באדם כח לקבל שכר כל כך שהרי למדת פורענות מתן הקב"ה כח באדם לקבלו כל שכן שנותן כח באדם לקבל מדה טובה:

גאט וועט געבין צו יעדער צדיק דריי הונדערט מיט צעהן וועלטין: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק להנחיל אוהבי יש. צו מאכין ירשנן צו די מענטשין וואס האבין מיך ליב יש. אונ דער ווארט י"ש בטרעפט דריי הונדערט מיט צעהן. אונ אין דרייא הונדערט מיט צעהן וועלטין וועט יעדער צדיק ליגין דאס פולע האנט גוטס וואס גאט וועט איהם געבין:

מיר האבין גילערונט רבי מאיר זאגט מיט דער מאס וואס א מענטש מעסט. מעסט מען איהם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בסאסאה בשלחה תריבנה. דוא טוהסט קריגען מיט איהר מיט אוועק שיקונג ווייל דאס איז די זעלבינגע מאס וואס זיא האט גיטאהן טוהסטו מיט איהר. האט רבי יהושע גיזאגט צו רבי מאיר קען מען דען אזוי זאגין וויא וועט זיין אז א מענטש וועט געבין א פולע האנט געלט צו א ארעם מאן אויף דער וועלט. וועט גאט איהם דארפין צוריק געבין א פולע האנט גוטס צו עולם הבא. ווא וועט דער מענטש ליגין אזוי פיל גוטס. עס שטייט דאך אין פסוק ושמים בזרת תכן: דעם הימעל האט ער אנגיברייט מיט דעם פינגער וואס הייסט זרת. זעהן מיר דאך אז דער פינגער זרת פארנעמט די גאנצע וועלט. אונ אז גאט וועט געבין צום צדיק א פולע האנט גוטס. ווא וועט ער די גוטס ליגין. האט רבי מאיר גיזאגט צו רבי יהושע אונ דוא זאגסט ניט אזוי. וועלכע מאס מעסט גאט בעסער. די גוטע מאס אדער די שלעכטע מאס. געוויס מעסט גאט בעסער די גוטע מאס ווי די שלעכטע מאס. ווארום אז גאט מעסט גוטס שטייט אין פסוק גאט האט גיבאטין צו די הימלען פון הויבין אונ די טירען פון הימעל האט ער גיעפינט אונ ער האט גימאכט רעגענען אויף זייא מן צום עסין אונ די קארין פון הימעל האט ער גיגעבין צו איהם. זעהן מיר אז גאט האט גיגעבין גוטס אויף דער וועלט האט ער גיעפינט צווייא טירען. אונ אז גאט האט גישטראפט די וועלט אונ האט אראפ געשיקט א מבול שטייט אין פסוק די פענסטער פון הימעל זענען גיעפינט גיווארין. איז דער מן גיגאנגען דורך צווייא טירען. אונ דער מבול איז גיגאנגען דורך צווייא פענסטער. אונ אין איין טיר איז דא פיר פענסטער. איז דאך דער מן גיגאנגען דורך א מאס וואס איז פיר מאהל אזוי גרויס וויא די מאס וואס דער מבול איז דורך איהר גיגאנגען. אונ ביי די מאס פון שטראף שטייט אין פסוק זייא וועלין ארויס גיין אונ וועלין זעהן די טויטע מענטשין וואס האבין צו מיר געזינדיגט זייערע ווערים וועלין ניט פייגערין אונ זייער פייער וועט ניט פאר לאשין ווערין אונ

מיד נכוה אלא כשם שנותן הקב"ה כח ברשעים לקבל פורענותן כך נותן הקדוש ברוך הוא כח בצדיקים לקבל טובתן:

נו פיסקא ר"ע אומר אף הקורא בספרים החיצונים. תנא בספרי מינין רב יוסף אמר אף בספר בן סירא אסור למיקרי א"ל אביי מאי טעמא אילימא משום דכתיב ביה לא תנטוש גילדנא מאודניה דלא ליזיל משכיה לחבלא אלא צלו יתיה בנורא ואיכול ביה תרתין גריצן אי כפשטיה באורייתא נמי כתיב (דברים כ) לא תשחית את עצה אי כדרשא אורחא דארעא קא משמע לן דלא לבעול שלא כדרכה ואלא משום דכתיב בת לאביה מטמונת שוא מפחדה לא יישן בלילה בקטנותה שמא תתפתה בנערותה שמא תזנה בגרה שמא לא תנשא נישאת שמא לא יהיו לה בנים הזקינה שמא תעשה כשפים הא רבנן נמי אמרוה אי אפשר לעולם בלא זכרים ובלא נקבות אשרי מי שבניו זכרים אוי לו למי שבניו נקבות אלא משום דכתיב לא תיעל דוי בלבך דגברא גוברין קטיל דוי הא

מינין. שכופרין בהא הי: רב יוסף אמר אף ספר בן סירא. (כלומר קורא בספרים החיצונים הייני נמי בספר בן סירא) שיש בו דברי הבאי וכא עליהם לידי ביטול תורה: לא תנטוש גילדנא מאודניה. כלומר לא תטול עורו של דג אפילו מעל אזנו מפני שאתה מפסיד העור דאזיל משכא לחבלא להפסד אלא צלי יתיה בנורא ואכיל ביה תרתין גריצין שאתה יכול לצלות עור הדג עמו ולאכול בו שתי חלות דהוי לפתן לשתי חלות. גילדנא שם הדג. ל"א להכי נקט מאודניה שדרכו של דג להתחיל הפשטו מאזנו: אי מפשטיה. אי ממשמעותיה קא מתמהת באורייתא נמי כתיב: דלא לבעול שלא כדרכה. דאין נכון לאדם לשנות את דרכו וכיים דקאמר מאודניה: לא יישן. אינו יכול לישן: קטנה. קודם שהביאה ב' שערות: נערה. משהביאה ב' שערות עד שירכה שחור על הלבן הרי היא בוגרת: בנערותה שמא תזנה. משבגרה ראויה היא לנישואין להכי אמר שמא לא תנשא: דוי.

זייא װעלין זיין אשאנדע צו אלע מענטשין. איז דאך אקשיא וויא אזוי קען אמענטש האבין כח נאך זיין טויט צוריק צו לעבין און ליגען אזוי אלאנגע צייט לעבעדיג אין פייער און ניט פאר ברענט װערין. מיר זעהן דאך אויף דער װעלט אז אמענטש זאל אריין שטעקין זיין פינגער אין איין פייער װערט דער פינגער באלד פאר ברענט און דער מענטש קען קוים אויס האלטין די יסורים. זעהן מיר דאך אז גאט גיט כח דיא רשעים זייא זאלין אויס האלטין זייער שטראף. מאדאך גאט גיט כח דיא רשעים זיי זאלין אויס האלטין זייער שטראף. איז דאך געוויס אז גאט װעט געבין כח צו דיא צדיקים זייא זאלין קענען פאר נעמען דיא גוטס װאס גאט װעט זייא געבין:

נו פיסקא. רבי עקיבא זאגט דער װאס לייענט ספרים חצונים האט ער ניט קיין עולם הבא. װאס הייסט ספרים חצונים. אפיקורסישע ביכער װאס זייא לייקענען אין גאט. זייא זאגין עס איז ניטא קיין גאט אויף דער װעלט. רב יוסף זאגט אפילו דעם ספר בן סירא טאר מען אויך ניט לייענען. האט אביי גיזאגט צו רב יוסף פאר װאס טאר מען ניט לייענען דעם ספר בן סירא. איך זאל זאגין וױיל דארט שטייט נארעשקייט. װעלכעס איז דיא נארעשקייט. איך זאל זאגין וױיל דארט שטייט מען זאל ניט אראפ ציהען דיא הויט פון אפיש אפילו פון אויער אויך נישט (וױיל מען קען עסין דעם פיש מיט דיא הויט) דארף ניט גיין דיא הויט צוא שאדין. נאר מען זאל בראטין דעם פיש אויף דעם פייער מיט דיא הויט. און מען קען עסין צוױיא חלות מיט דיא הויט פון דעם פיש. איז דאך אשאד קאליע צוא מאכין דיא הויט: דאס זאל זיין דיא נארישקייט. אויב בן סירא מיינט פראסט מען זאל ניט קאליע מאכין דיא הויט פון פיש וױיל מען קען זיא עסין. אין דער תורה שטייט דאך אויך אזוי. דוא זאלסט ניט פאר דארבין דעם בוים. דיא זאך װאס מען קען פון אים הנאה האבין. טאר מען ניט קאליע מאכין. און אויב דער פיש איז נאר אמשל. און בן סירא מיינט דעם נמשל. אז אמענטש זאל ניט בועל זיין דאס וױיב זיינע פון אינטען וױיל דאס איז ניט דער שטייגער פון דער װעלט מען זאל אזוי טאהן. האט ער דאך ניט געזאגט קיין נארעשקייט: נאר ער האט גיזאגט אזאך װאס עס איז דרך ארץ. טאמער װעסטו זאגין דאס איז דיא נארעשקייט װאס ער האט געזאגט אטאכטער צו אפאטער איז אפאלשער אוצר: דורך איר שרעק קען ער ניט שלאפין

דאגה : מנע רבים. אותן שאין לך עסק עמהם מנעם מתוך ביתך : ולא הכל הביא אל ביתך. אפי' אותם שאתה מתעסק עמהם לא תביאם תדיר לביתך אלא מבחוץ תדבר עמהם : איש רעים. שיש לו רעים הרבה : להתרועע. לסוף מריעים לו שמתקוטט עמהם : זלדקן. מי שזקנו דקה ומלושה : קורטמן. ידוע שחכם וחריף הוא ביותר : עבדקן סכסן. מי שזקנו עבה שוטה הוא : סכסן. כמו כל בר בר חנה סכסא בבבא בתרא : נפח בכסי. מי שנופח אופיא שבכוסו : לא צחי. בידוע שאינו צמא : אמר במאי איכול לחמא. שאומר באיזה לפתן אוכל פת זה : סב לחמא מיניה. בידוע שאינו רעב וקח הלחם מידו שאלו היה רעב היה אוכל : מאן דאית ליה מעברתא בדיקניה. שזקנו מחולק ומפוצל ויש בין שתי שבילות כמין מעבר :

הא שלמה נמי אמרה (משלי יב) דאגה בלב איש ישחנה ר' אמי ור' אסי חד אמר יסיחנה מדעתו וחד אמר ישיחנה לאחרים ואלא משום דכתיב מנע רבים מתוך ביתך ולא הכל תביא אל ביתך והא רבי נמי אמרה דתניא רבי אומר לעולם אל ירבה אדם רעים בתוך ביתו שנאמר (שם יח) איש רעים להתרועע אלא משום דכתיב זלדקן קורטמן עבדקן סכסן. דנפח בכסי לא צחי. אמר במאי איכול לחמא סב מיניה. מאן דאית ליה מעברתא בדיקניה כולי עלמא לא יכלי ליה.
אמר

ביא נאכט : איז זיא קליין האט ער מורא טאמער וועט איר איינעד איבער רעדין אונ וועט מיט איר מזנה זיין. איז זיא אנערה (אביסעל עלטערע) האט ער מורא טאמער וועט זיא אליין וועלין מזנה זיין. איז זיא אגרויסע האט ער מורא טאמער וועט ער ניט געפינען פאר איהר אמאן. אזוי וויא זיא איז ווערט. אונ וויא פאר איהם פאסט. האט זיא שוין חתונה גיהאט האט ער מורא טאמער וועט זיא ניט האבין קיין קינדער. וועט דער מאן איהר גטין. איז זיא שוין אלט גיווארין האט ער מורא טאמער וועט זיא ווערין אמכשפה. דאס האבין דאך די רבנן אויך גיזאגט. דיא וועלט קען ניט זיין אן זכרים אונ זיא קען ניט זיין אן נקבות. פון דעכטוועגין וואהל צו דעם מענטש וואס זיינע קינדער זענען זכרים. אונ וויא צו דעם מענטש וואס זיינע קינדער זענען נקבות. טאמער וועסטו זאגין דאס איז דיא נארעשקייט וואס ער האט גיזאגט אמענטש זאל ניט אריין נעמען זארג אין זיין הארצין. ווארום זארג הרגת דעם שטארקסטין מענטשין. דאס האט דאך שלמה המלך אויך גיזאגט. דאגה בלב איש ישחנה. אז אמענטש האט זארג אין הארצין ישחנה. וואס מיינט מען ישחנה. רבי אמי אונ רבי אסי קריגען. איינער זאגט ישחנה איז דער טייטש אוועק שטויסין. ער זאל אוועק שטויסין דיא זארג פון קאפ. אונ זאל ניט זארגין. אונ איינער זאגט ישחנה איז דר טייטש דערציילין. ער זאל דער ציילין אלע זיינע צרות אונ זארג פאר זיינעם אגוטען פריינד. וועט איהם ווערין גרינגער אין הארצין. אדער דער גוטער פריינד וועט איהם געבין אעצה. טאמער וועסטו זאגין דאס איז די נארעשקייט וואס ער האט גיזאגט אמענטש זאל פאר מיידין צו איהם אין שטוב זאלין ניט אריין קומען פיל פרעמדע מענטשין. אונ אפילו דיא מענטשין וואס דוא האנדילסט מיט זיי. זאלסטו אויך ניט ברייגען אלע אין דיין שטוב. זאלסט שמועסין מיט זייא אין גאס וואס דוא דארפסט. דאס האט דאך רבי אויך גיזאגט. ווארום מיר האבין גילערונט רבי האט גיזאגט איין מענטש זאל ניט אריין ברייגען פיל גוטע פריינד אין זיין שטוב. ווארום עס שטייט אין פסוק איש רעים להתרועע. דער מענטש וואס ברייגגט אריין פיל פרעמדע מענטשין אין זיין שטוב. וועט ער צו בראכען ווערין. ווארום דיא פרעמדע מענטשין וועלין וויסען זיינע סודות. אמאהל וועט ער זיך מיט איינעם צו קריגען. וועט ער אלץ אויס זאגין. אונ וועט איהם טאהן שאדין. נאר דאס איז דיא נארעשקייט וואס שטייט אין דעם ספר בן סירא. זלדקן קורטמאן. דר וואס האט אקליינע בארד אדינע. איז אסימן אז ער איז אגרויסער חכם. עבדקן סכסן. דער וואס האט אגראבע בארד. איז אסימן אז ער איז אנאר. אז מען גיט איינעם אכוס צו טרינקען אונ ער בלאזט אוועק דיא שוים. איז אסימן אז ער איז ניט דארשטיג. אז מען גיט איינעם אשטיקול ברויט אונ ער זאגט מיט וואס וועל איך עסין דיא ברויט. זאלסטו דיא ברויט צו נעמען פון איהם. ווארום דאס איז אסימן אז ער איז ניט הונגעריג. דער מענטש וואס זיין בארד איז צוא טיילט אויף צוויי טייל. דיא רעכטע זייט איז בזונדער אונ דיא לינקע זייט איז בזונדער. אונ אין מיטען איז וויא אוועג דורך צו גיין. איז אסימן אז ער איז אגרויסער שווינדלער. אונ דיא

אמר רב יוסף מילי מעלייתא דאית ביה דרשינן להו אשה טובה מתנה טובה בחיק ירא אלהים תנתן. אשה רעה צרעת לבעלה מאי תקנתיה יגרשנה מתוך ביתו ויתרפא מצרעתו. אשה יפה אשרי בעלה מספר ימיו כפלים. העלם עיניך מאשת חן פן תלכד במצודתה. אל הט אצל בעלה למסוך עמו יין ושכר כי בתאר אשה יפה רבים הושחתו ועצומים כל הרוגיה. רבים היו פצעי רוכל המרגילים לדבר ערוה כניצוץ מבעיר גחלת ככלוב מלא עוף כן בתיהם מלאים מרמה. מנע רבים מתוך ביתך ולא הכל תביא אל ביתך. רבים יהיו דורשי שלומך גלה סודך לאחד מאלף. משוכבת חיקך שמור פתחי פיך. אל תצר צרת מחר כי לא תדע מה ילד יום שמא למחר איננו ונמצא מצטער על עולם שאינו שלו. כל ימי עני רעים בן סירא אומר אף לילות בשפל גגים גגו ובמרום

כ"ע לא יכלי ליה. בערמימותיה דמתך כהוגב כל ימיו בערמימות הוא משים ידו לזקנו ומושך כאדם שמהבב עד שנקרחה ל"א [גרסינן] מכרתה מי שיש לו היכר בזקנו שסעד כ"ע שלא כעדו אין יכולין להגיע לכחו ל"א גוורתא והוה לפון קרחה וכל הני דברי רוח ולכך אין קורין בו: דרשיק. כלומר אמרינן להו בפירקא ומשמעינן להו לכ"ע כגון כל הני אשה טובה וכו' אשה רעה צרעת לבעלה מה תקנתו יגרשנה מביתו כך הלשון בספר בן סירא. אשה רעה מתנה רעה ל"ג: כפלים. מרוב השמחה השובין ככפלים: אל תט. אצל בעלה למסוך עמו יין ושכר: רבים היו פצעי רוכל. כמה וכמה מכות מקבל רוכל המחזר בעיר ונושא תכשיטי נשים ועסקו עמהם שפעמים שמוצאו בעל. שמה מתיחד עם אשתו ומכהו ופוצעו: המרגילים לדבר עבירה. ניצוץ הרי הן כניצוץ מבעיר גחלה כשביב המבעיר את הפחם כך כל אשר להם כלה והולך: גחנת. אקרי פחם שאינו בוער כדאמרינן גהנים עוממות מ"כ. ככלוב. דירה של עופות: רבים יהיו דורשי שלומך. בתחלה מהאהב עם הכל ואעפ"כ לא תגלה סודך לכולם אלא לאחד מני אלף: מה ילד יום. מה תידע היום במאי נמחר איננו במת הוא היום: ונמצא במצר על עולם שאינו שלו. על יום שאינו עתיד לראות והיינו עולם

גאנצע וועלט וועלין ניט קענען בשטיין געגין זיין שווינדול. רב יוסף זאגט דיא גוטע זאכין וואס שטייט אין דעם בן סירא. זאגין מיר זייא אין אדרשה אונ מיר דער ציילין דאס פאר אלע מענטשין. אלע זאלין דאס וויסען. בן סירא זאגט אגוטע ווייב איז אגוטע מתנה. דער פרומער מענטש בקומט דיא גוטע ווייב. אשלעכטע ווייב איז אזוי וויא קרעץ צום מאן. וואס זאל ער טאהן. זאל ער זיא גטין אונ ארויס טרייבין פון שטוב. וועט ער געהיילט ווערין פון דיא קרעץ: אשיינע ווייב איז וואוהל צום מאן. פון גרויס פערגעניגען איז בייא איהם גלייך וויא ער וואלט גילעבט צווייא מאהל אזוי לאנג. אמענטש זאל אוועק טאהן זיינע אויגען אונ זאל ניט קוקען אויף אפרעמדע שיינע ווייב. טאמער וועט ער גיפאנגען ווערין אין איהר נעץ. דו זאלסט ניט גיין צו איהר מאן טרינקען מיט איהם ווייך. ווארום דורך אפרעמדע שיינע ווייב. זענען פיל מענטשין פאר דארבין גיווארין. אונ זיא האט פיל שטארקע מענטשין גיהרגת. דיא קאראבעלניקעס וואס פאר קויפין צו ווייבער שמעקעדיקע זאכין וואס דאס דער וועקט אין דיא ווייבער אגלוסטונג צו מזנה זיין. פיל שלעק בעקומט ער פון דעם מאן אז ער טרעפט איהם אליין אין שטוב מיט זיין ווייב. אזוי ווי דער פונק פייער ברענט אויף דעם קויל. אזוי ברענגען אויף דיא שמעקעדיקע זאכין דאס גלוסטונג צו מזנה זיין. אזוי וויא אשטייג איז פול מיט עופות. אזוי זענען דיא הייזער פון דיא קאראבעלניקעס פול מיט פאלשקייט. ווא ום דיא ווייבער קומען צו איהם קויפין דיא שמעקעדיקע זאכין דער וויל זענען זייא מזנה מיט איהם. אמענטש זאל פר טריבן פיל פרעמדע מענטשין זאלין ניט אריין גיין צו איהם אין שטוב. אונ אפילו די מענטשין וואס דוא האנדילסט מיט זייא. זאלסטו אויך ניט ברייננען אלע אין דיין שטוב. זאלסט שמועסין מיט זיי אין גאס אלץ וואס דוא בארפסט. דוא זאלסט האבין פיל גוטע פריינד וואס זאלין ווערין דיין פריידען. נאר צו איינעם פון טויזענד זאלסטו זאגין דיינע פאר בארגינע זאכין. פון די ווס ליגט אין דיין שויס ופון דיין ווייבו זאלסטו היטען דיא עפענונג פון דיין מויל. אז דוא האסט אפאר בארגענע זאך זאלסטו ניט זאגין אפילו פאר דיין ווייב. זאל דיר ניט באנג טאהן היינט אויף דיא צרה וואס האראך קמען מארגין. ווארום דוא ווייסט ניט וואס דער היינטיגער טאג וועט גיבארין. טאמער ביז מארגין וועסטו שוין גאר נישט זיין אויף דער וועלט. האסטו דיך דאך מצער גיוועזן אויף אוועלט וואס איז ניט דיינע. ווארום דוא וועסט גאר ניט דער לעבין צו זעהן דיא צרה. אלע טאג פון דעם ארעם מאן זענען שלעכט. בן סרא זאגט דיא נעכט זיינע זענען אויך שלעכט.

ובמרום הרים כרמו ממטר גגים לגגו ומעפר כרמו לכרמים. א"ר זירא אמר רב כל ימי עני רעים אלו בעלי תלמוד וכו' עד שנוי וסת תחלת חולי מעים וכו':
(דף קא) **נז תנו** רבנן הקורא פסוק של שיר השירים ועושה אותו כמין זמר והקורא פסוק בבתי משתאות בלא זמנו מביא רעה לעולם מפני שהתורה חוגרת שק ועומדת לפני הקב"ה ואומרת לפניו רבש"ע עשאוני בניך ככנור שמנגנים בו לצים אמר לה בתי בשעה שאוכלין ושותין במה יתעסקו אמרה לפניו רבש"ע אם בעלי מקרא הם יעסקו בתורה ובנביאים ובכתובים אם בעלי משנה הם יעסקו במשנה ובהלכות ובהגדות ואם בעלי תלמוד הם יעסקו בהלכות הפסח בפסח בהלכות עצרת בעצרת בהלכות החג בחג. העיד ר' שמעון בן אלעזר משום ר' (שמעון) [יהושע] בן חנניה כל הקורא פסוק בזמנו מביא טובה לעולם שנאמר (משלי טו) ודבר בעתו מה טוב:
נח פיסקא והלוחש על המכה. א"ר יוחנן וברוקק בה

שאינו שלו שהוא מלמטר עליו ודואג על הגס מיום המהרה שלא תבא עליו צרה: כל ימי עני רעים וטוב לב משתה תמיד. פסוק הוא במשלי: בשפל גגים נגו. שעני הוא ואינו יכול להגביהו לפיכך ממטר גגים לגגו. שירד מטר הגגים הגבוהים לגגו ומזלפין עליו. הגשמים ואין לו מנוחה אפי' בלילות: במרום הרים כרמו. שאין לו השגת יד לקנות כרם בשפלה בדמים יקרים וקונה לו באחד מן ההרים בזול וכל עפר שהוא מוליה לגבו מוליך הרוח מן ההר לשאר כרמים שבבקעה ונמצא העני נפסד: ת"ר הקורא שיר השירים ועושה אותו [כמין זמר] שקורא בנגינה אחרת שאינו נקוד בה ועושה אותה כמין שיר אע"פ שמשיר השירים הוא ועיקרו שיר אסור לעשותו כמין שיר אלא בקריאתו: הקורא פסוק בבתי משתאות בלא זמנו. כמים. על יינו עושה שחוק כד"א וקורא פסוקים בקול רם לשחק בהם בבית המשתה אבל אם אמרו בזמנו על המשתה כגון שהוא י"ט ונוטל כוס בידו ואומר עליו דברי הגדה ופסוקים מעניינו של יום מביא טובה לעולם:
וברוקק. שכן דרך מלחשין לרקק קודם הלחש ואסור להזכיר הפסוק על הלחישה ויש לחשים שדרכן לרוק אחריהם ואומר אותו בלשון לעז ומזכירים להם שם בלשון לעז ואומר לי רבי דמוהר

דֶער דאך פון זיין שטוב איז נידעריגער פון אַלע דעכער. דריבער דער רעגען פון אַלע דעכער איז אויף זיין דאך. רינט אַריין אין שטוב. קען ער ניט שלאָפן ביי נאַכט. זיין ווייגאַרטען איז אויף דעם באַרג. ווייל עס קאָסט וועלוועלער. אַז ער ברענגט מיסט אויס צו מיסטען זיין ווייגאַרטען. פאַלט אַראָפּ די מיסט אויף די אונטערשטע ווייגאַרטנער:

נז תנו רבנן. די רבנן האָבען געלערנט אַז איינער לייענט אַפּסוק פון שיר השירים און זינגט אים ניט וויא די נגינה איז. נאָר מיט אַזוי אַגעזאַנג וויא ער וויל. אָדער ער זיצט און טרינקט וויין און זינגט אַפּסוק וואָס עס איז גאָר ניט די צייט פון דעם פּסוק. ברענגט ער שלעכטעס אויף דער וועלט. ווייל די תורה טוהט אָן אַזאַק און שטייט פאַר גאָט און זאָגט רבונו של עולם דיינע קינדער האָבען מיך געמאַכט וויא אַפידול וואָס די מענטשען וואָס מאַכען געלעכטערס שפּילען מיט איר. אַזוי מאַכען די יודען געלעכטערס פון די פּסוקים. אָבער אַז יודען טרינקען וויין יום טוב אָדער שבת. און זינגען פּסוקים צו לויבען גאָט. ברענגען זייא גוטס אויף דער וועלט. גאָט האָט געזאָגט צו די תורה מיין טאָכטער ווען יודען עסען און טרינקען וואָס זאָלען זייא טאָהן. האָט די תורה געזאָגט פאַר גאָט רבונו של עולם אויב די מענטשען קענען תורה נביאים כתובים. זאָלען זיי לערנען תורה אָדער נביאים אָדער כתובים. אויב זיי קענען משניות. זאָלען זיי לערנען משניות. אָדער דינים. אָדער אגדתות. אויב זייא קענען גמרא זאָלען זייא לערנען די דינים פון דעם יום טוב. אויב עס איז פסח זאָלען זייא לערנען די דינים פון פסח. אויב עס איז שבועות זאָלען זייא לערנען די דינים פון שבועות. אויב עס איז סוכות זאָלען זייא לערנען די דינים פון סוכות. רבי שמעון בן אלעזר האָט עדות געזאָגט פון רבי יהושע בן חנניה וועגען דער וואָס לייענט אַפּסוק צו דער צייט ופסוקים פון פסח אום פסח. פון שבועות אום שבועות. פון סוכות אום סוכות) ברענגט ער גוטס אויף דער וועלט. אַזוי וויא עס שטייט אין פּסוק אַזאַך אין דער צייט וויא גוט איז:

נח פיסקא. והלוחש. און דער וואָס זאָגט פּסוקים אויף אַמכה האָט ניט קיין חלק עולם הבא. רבי יוחנן זאָגט דאָס איז נאָר אַז ער שפּייט פריער איידער ער הייבט אָן צוא זָגין

בה לפי שאין מזכירין שם שמים על הרקיקה אתמר אמר רב אפי' בנגע צרעת ר' חנינא אמר אפילו ויקרא אל משה:

נט רב יצחק בר שמואל בר מרתא איקלע להחוא אושפיזא אייתיאו ליה משחא במנא שף נפקן ליה צמחי באפיה נפק לשוקא חזיתיה ההיא איתתא אמרה זיקא דחמת קא הזינא הכא עבדא ליה מלתא ואיתסי. א"ל ר' אבא לרבה בר מרי כתיב (שמות טו) כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך כי אני ה' רופאך וכי מאחר שלא שם רפואה למה א"ל הכי אמר ר' יוחנן מקרא זה מעצמו נדרש שנאמר (שם) ויאמר אם שמוע תשמע לקול ה' אלהיך אם תשמע לא אשים ואם לאו אשים ואע"פ כן אני ה' רופאך:

ס אמר רבה בר בר חנה כשחלה ר' אליעזר נכנסו תלמידיו לבקרו אמר להם חמה עזה יש בעולם דתחילו הן בוכים ורבי עקיבא משחק אמרו לו מפני

דאין אסור אלא ללחוש אחר הרקיקה דנראה דמזכיר השם על הרקיקה ועוד לא נאסר אלא בלה"ק אבל בלעז לא: אפי' בנגע צרעת. אפילו לוחש האי קרא דלית ביה ש"ש על הרקיקה שקורא נגע צרעת כי תהיה באדם והובא אל הכהן לשם רפואה אין לו חלק לעה"ב: ואפילו ויקרא אל משה. שאין בו לא חולי ולא נגע דאין ראוי ללחשו על המכה ואין מזכירו לשם רפואה אלא כסבור הוא להגן בזכות דברי תורה שהוא הזכיר אסור ללוחשו:

שף. סך שמן בפניו: צמחין. אבעבועות מלנ"ן: זיקא דחמת. רוח של אותו שד ששמו חמת אני רואה בפניך שאחזך:

חמה עזה יש בעולם. על עצמו היה אומר שכעס

דיא פסוקים. ווייל מען טאר ניט דער מאנען דעם נאמען פון גאט אויף אוים שפייאונג. מיר האבען גילערונט רב זאגט אפילו ער זאגט אויף אמכה אזוי אפסוק וואס אין איהם איז ניטא דער נאמען פון גאט. למשל ער זאגט דעם פסוק נגע צרעת כי תהיה באדם והובא אל הכהן. אויב ער האט פריער אוים געשפיגען איידער ער האט אן גיהויבין צו זאגין דעם פסוק. הט ער ניט קיין עולם הבא. רבי חנינא זאגט אפילו ער זאגט אויף אמכה דעם פסוק ויקרא אל משה. אונ ער מיינט ניט אז דער פסוק איז ארפואה צו דער מכה. נאר ער מיינט אין דעם זכות פון דיא תורה זאל ער גיהיילט ווערין טאר מען אויך ניט:

נט רב יצחק בר שמואל בר מרתא איז אמאהל גיקומען אין אנאסט הויז האט מען גיברייננט פאר איהם בוימאייל אין אכלי. האט ער בשמירט דעם פנים מיט דיא בוימאייל. איז גיווארין בלאטערין אויף דעם פנים. איז רב יצחק ארוים גינאנגען אין גאס. האט אאשה גיזעהן דיא בלאטערין וואס רב יצחק האט אויף זיין פנים. האט זיא גזאגט צו רב יצחק איך זעה אויף דיין פנים איז גיוועזן דער ווינט פון דעם שד חמת. פון דעם ווינט האסטו די בלאטערין. האט דיא אשה עפעס גיטאהן אזוי איז רב יצחק גיזונט גיווארין: רבי אבא האט גזאגט צו רבה בר מרי עס שטייט אין פסוק אלע קראנקייט וואס איך האב גיטאהן אין מצרים וועל איך ניט טאהן אויף דיר ווארום איך גאט וועל דיך היילין. איז דאך אקשיא אז גאט וועט ניט טאהן קיין קראנקייט. צו וואס דארף מען היילין. האט רבה גזאגט צו רבי אבא אזוי האט גזאגט רבי יוחנן דער פסוק ווערט גידרשת פון זיך אליין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק משה האט גזאגט אויב דוא וועסט הערין דעם קול פון דיין גאט. אויב דוא וועסט הערין דעם קול פון גאט וועט מען אויף דיר ניט טאהן קיין קראנקייט. אונ אויב דוא וועסט ניט הערין דעם קול פון גאט וועט מען אויף דיר יא טאהן אקראנקייט. פון דעסטוועגין וועל איך גאט דיך היילין:

ס אמר. רבה בר בר חנה האט גזאגט אז רבי אליעזר איז קראנק גיווארין זענען אריין גינאנגען זיינע תלמידים צו אים זעהן וואס ער טוהט. האט רבי אליעזר גזאגט צו דיא תלמידים אשטארקער כעס איז דא אויף דער וועלט גאט איז אויף מיר שטארק אין כעס ווארום ער האט שווער גימאכט מין קראנקייט. האבען דיא תלמידים אן גיהויבען וויינען. אונ רבי עקיבא האט גילאכט. האבען דיא תלמידים גזאגט צו רבי עקיבא פאר וואס לאכסטו. הט רבי עקיבא גזאגט צו דיא תלמידים פאר וואס וויינט איר. האבען דיא תלמידים גזאגט צו רבי עקיבא די

מפני מה אתה שוחק אמר להם וכי מפני מה אתם בוכים אמרו לו אפשר ספר תורה שרוי בצער ולא נבכה אמר להם לכך אני משחק שכל זמן שאני רואה רבי שאין יינו מחמיץ ואין פשתנו לוקה ואין שמנו מבאיש ואין דובשנו מדביש אמרתי שמא ח"ו קבל רבי עולמו ועכשיו שאני רואה רבי בצער אני שמח א"ל עקיבא כלום חסרתי מן התורה כולה א"ל למדתנו רבינו (קהלת ז) כי אדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא :

עליו המקום והכביד הליו : שכל זמן שהייתי רואה את רבי שאין יינו מחמיץ וכו'. כלומר שהיתה הצלחה בכל מעשיו אמרתי קבל רבי את עולמו כל שכרו : רואה רבי בצער ושכרו משתמר והבא ולכך אני שמח : מדביש. מתקלקל ונעשה נלול מחמת הימום : כלום חסרתי. באתה אומר אני סובל עונותי :
שגלגל חמה בעוה"ז ולא לעתיד שהמאורות מתחדשות:

סא תנו רבנן כשחלה ר' אליעזר נכנסו ד' זקנים לבקרו ר' טרפון ור' יהושע ורבי אלעזר בן עזריה ור"ע נענה ר' טרפון ואמר טוב אתה לישראל מטפה של גשמים שטפה של גשמים בעה"ז ורבי בעה"ז ולעה"ב . נענה ר' יהושע ואמר טוב אתה לישראל יותר מגלגל חמה שגלגל חמה בעה"ז ורבי בעה"ז ולעולם הבא . נענה רבי אלעזר בן עזריה ואמר טוב אתה לישראל יותר מאב ואם שאב ואם בעה"ז ורבי בעה"ז ולעה"ב . נענה רבי עקיבא ואמר חביבין יסורין [אמר להם סמכוני ואשמעה דברי עקיבא תלמידי שאמר רביבין יסורין] א"ל עקיבא זו מנין לך　　　אמר

ספר תורה [אונזער רבי] איז אין צער זאלין מיר ניט וויינען : האט רבי עקיבא גזאגט צו די תלמידים וויל אונזער רבי איז אין צער דריבער לאך איך . ווארום אזוי לאנג וויא איך האב געזעהן אז דער רבי איז גליקלאך . די ווין זיינע ווערט ניט זויער . די פלאקס זיינע ווערט ניט קאליע . די בוימאייל זיינע ווערט ניט פאר שטונקען . די האניק זיינע ווערט ניט קאליע . האב איך גזאגט טאמער נעמט דער רבי דעם שכר פון זיין תורה אונ מצות אויף דער וועלט . אבער איצט אז איך זעה דער רבי האט צער . וויים איך אז דער שכר פון זיין תורה אונ מצות בלייבט צו עולם הבא . פרייה איך מיך . האט רבי אליעזר גזאגט צו רבי עקיבא האב איך דען עפעס גיפעלט פון דער תורה וואס איך האב ניט מקיים גיוועזן וואס דוא זאגסט איך ווער גישטראפט אויף דער וועלט : איך דארף האבען ביידע וועלטין . האט רבי עקיבא גזאגט צו רבי אליעזר דער רבי האט דאך אונז גילערונט דעם פסוק עס איז נישטא אמענטש אצדיק אויף דער וועלט וואס ער זאל טאהן גוטס אונ זאל ניט זינדיגען . עפעס עבירות מוז אמענטש האבען . פר די ביסול עבירות ווערסטו גישטראפט אויף דער וועלט :

סא תנו רבנן . די רבנן האבען גילערונט אז רבי אליעזר איז קראנק גיווארין זענען אדיין גיגאנגען פיר זקנים צו איהם זעהן וואס ער טוהט . רבי טרפון אונ רבי יהושע אונ רבי אלעזר בן עזריה אונ רבי עקיבא . האט רבי טרפון גזאגט צו רבי אליעזר דו ביסט בעסער צו די יודין וויא די טראפינס רעגין . די טראפינס רעגין גיבען נאר לעבין אויף דער וועלט [עס וואקסט תבואה איז דא צום לעבין] . אונ דער רבי גיט לעבין צו די יודין אויף דער וועלט [מען לעבט אין זיין זכות] . אונ ער גיט זייא לעבין צו עולם הבא [ער לערונט מיט זייא תורה האבען זייא עולם הבא] . האט רבי יהושע גזאגט צו רבי אליעזר דוא ביסט בעסער צו די יודין וויא דער ראד וואס פירט דיא זוהן . ווארום די זוהן גיט נאר לעבין צו דער וועלט . אונ דער רבי גיט לעבין צו די יודין אויף דער וועלט אונ צו עולם הבא . האט רבי אלעזר בן עזריה גזאגט צו רבי אליעזר דוא ביסט בעסער צוא די יודין וויא אפאטער אונ מוטער . ווארום אפאטער אונ מוטער ברייגגען אמענטשין נאר אויף דער וועלט . אונ דער רבי ברייגגט די יודין צו דער וועלט אונ צו יענע וועלט . האט רבי עקיבא גזאגט אז עס קומט יסורים אויף אמענטשין . זענען די יסורים גוט פאר דעם מענטשין . האט רבי אליעזר גזאגט לעהנט מיך אן אונ איך וויל הערין די רייד פון מיין תלמיד עקיבא וואס ער זאגט אז יסורים איז גוט פאר דעם מענטשין . האט רבי אליעזר גזאגט עקיבא פון וואנען ווייסטו אז יסורים איז גוט פאר דעם

אמר מקרא אני דורש (מ"ב כא) בן שתים עשרה שנה מנשה במלכו וחמשים וחמש שנה מלך בירושלים גו' ויעש הרע בעיני ה' (ע"כ) וכתיב (משלי כה) גם אלה משלי שלמה אשר העתיקו אנשי חזקיה מלך יהודה וכי חזקיה מלך יהודה לכל העולם כולו לימד תורה ולמנשה בנו לא לימד תורה אלא מכל טורח שטרח בו ומכל עמל שעמל בו לא העלוהו למוטב אלא יסורין שנאמר (דה"ב לג) וידבר ה' אל מנשה ואל עמו ולא הקשיבו ויבא ה' עליהם את שרי הצבא אשר למלך אשור וילכדו את מנשה בחוחים ויאסרוהו בנחשתים ויוליכוהו בבלה וכתיב (שם) ובהצר לו חלה את פני ה' וגו' ויתפלל אליו ויעתר לו וישמע תחנתו (מאי עביד ליה שדיוה בדודא דנחשא ושדו נורא תותיה והוה קא מצטער טובא אמר היכי לעביד נקרייה להקב"ה כעים עילואי נקרייה לע"ז לית בה ממשא מה עשה קרא לגדולים ולא עניוהו קרא לקטנים ולא עניוהו אמר רבונו של עולם אי ענית ענית ואי לא אמינא איהו נמי כוותהון מיד ויעתר לו) וישיבהו ירושלים למלכותו הא למדת שחביבין יסורין :

סב ת"ר ג' באו בעלילה ואלו הן קין עשו ומנשה קין דכתיב (בראשית ד) גדול עוני מנשוא אמר

הביאן יסורין . במכפנין עליך : גם אלה משלי שלמה אשר העתיקו אנשי חזקיה . היינו תלמידי חזקיה כדקיימא לן בהשותפין בב"ב חזקיה וסייעתו כתבו משלי מכלל דחזקיה היה מלמד לכל וכדאמרן נעץ חרב על פתח בהמ"ד וכ"ש שלמנשה בנו למד : מכל טורח שטרח בו . ללמדו : שלשה באו בעלילה שלא באו לבקש לפני הקב"ה בתפלה אלא באו בעלילה שאמרו דברים של

מענטשין . האט רבי עקיבא גזאגט איך וייס דאס פון א פסוק. צוועלף יאהר איז אלט גיוועזן מנשה ווען ער איז גיווארין א מלך . אונ פינף מיט פופציג יאהר האט ער געקיניגט אין ירושלים . אונ ער האט גיטאהן וואס עס איז שלעכט גיוועזן אין דיא אויגען פון גאט . אונ עס שטייט אין פסוק דאס איז אויך משלים פון שלמה וואס דיא מענטשין (דיא תלמידים) פון חזקיה מלך יהודה האבען איבער גיזעצט (פון איין אנדער שפראכע אויף לשון קודש) . איז דאך א קשיא חזקיה מלך יהודה האט גילערונט תורה צו דיא גאנצע וועלט ; אונ צו זיין זוהן מנשה האט ער ניט גילערונט תורה . נאר פון אלע טרחות וואס חזקיה האט זיך מטריח גיוועזן . אונ פון אלע מאטערנעש וואס חזקיה האט זיך גימאטערט מיט זיין זוהן מנשה ער זאל לערנען תורה אונ זאל פרום ווערין . אונ דאס האט אלץ ניט גיהאלפען . נאר יסורים האבען גיהאלפען ער זאל פרום ווערין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גירעט צו מנשה אונ צו זיין פאלק זייא זאלין פרום ווערין . אונ זייא האבען ניט פאר נומען דיא רייד פון גאט . האט גאט גיברייננגט אויף זייא דיא שרים פון דעם חיל פון מלך אשור אונ זייא האבען בצוואונגען מנשה מיט קייטין אונ האבען אים געבונדין מיט קייטין אונ האבען איהם געפירט אין בבל . אונ ווען עס איז מנשהן גאנץ שלעכט גיוועזן . האט ער גיבעטין פאר גאט אונ האט מתפלל גיוועזן איז גאט צו איהם איבער גיבעטין גיווארין וואס האט מען איהם גיטאהן . מען האט איהם ארין גילייגט אין א קופערנעם קעסיל אונ אונטער דעם קעסיל האט מען גילייגט פייער . האט ער גיהאט גרויס צער . עס האט איהם געבריט ; האט ער גיטראכט וואס זאל איך איצט טאהן . איך זאל רופען צו גאט ער זאל מיר העלפין . גאט איז דאך אויף מיר אין כעס . איך זאל רופען צו די עבודה זרות זייא זאלין מיר העלפין . איך וייס זייא קענען ניט העלפין . וואס האט מנשה גיטאהן . ער האט גירופען דיא גרויסע געטער אונ זייא האבען איהם ניט גיענטפערט . ער האט גירופען דיא קליינע געטער אונ זייא האבען אים ניט גיענטפערט . האט ער גיזאגט רבונו של עולם וועסטו ענפערין איז גוט . אונ אויב ניט וועל איך זאגין דו ביסט אויך אזוי וויא אלע געטער . איז באלד גאט איבער גיבעטין גיווארין צו אים . אונ האט אים צוריק גיקערט אין ירושלים צו זיין מלוכה : פון דאנען זעהן מיר אז יסורים קענען א מענטשין פרום מאכען .

סב תנו רבנן . דיא רבנן האבען גילערונט דריי מענטשין זענען גיקומען פאר גאט מיט

ניוה שאין לכם תשובה: הברכה אחת היא. וכי אין לך ברכה יותר חשובה מאחת השיבו ועלתה לו: מנשה. לא בתחלה בלא התפלל למקום אלא לבסוף הם לא הושיעו מה הועיל לי שקראתי לך יותר מכל אלוהות והיינו דכתיב ויכנע לפני ה' אלהי אבותיו מכלל דעד השתא לפני אלוהות אחרים נכנע: שריבע עם. שריבן את ישראל והטפילם: עשה מריבה בעם. הריבה אלו עם אלו נעסק ע"י זה עובד וזה מוסר בידו ובאין לידי מחלוקת:

אמר לפניו רבש"ע כלום גדול עוני מששים רבוא שעתידין לחטוא לפניך ואתה סולח להם. עשו דכתיב (שם כז) הברכה אחת היא לך אבי. מנשה בתחלה קרא לאלוהות הרבה ולבסוף קרא לאלהי אבותיו:

(דף צ ע"א) **סג משנה** שלשה מלכים וארבעה הדיוטות אין להם חלק לעולם הבא. שלשה, מלכים ירבעם אחאב ומנשה. ר' יהודה אומר מנשה יש לו חלק לעולם הבא שנאמר (דה"ב לג) ויתפלל אליו ויעתר לו וישמע תחנתו וישיבהו ירושלים למלכותו אמ"ו ליה למלכותו השיבו ולא לחיי עולם הבא השיבו. ארבעה הדיוטות בלעם ודואג ואחיתופל וגיחזי: (גמ' מי מנאן אמר ר' אשי אנשי כנסת הגדולה):

(דף קא ע"ב) **סד תנו** רבנן ירבעם שריבע עם. ד"א ירבעם שעשה מריבה בעם: דבר אחר ירבעם שעשה מריבה בין ישראל לאביהם שבשמים בן

אַבְּלְבּוּל. קַיִן אוּנ עֵשָׂו אוּנ מְנַשֶּׁה. בַּיי קַיִן שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִיז אַזוֹי גְרוֹיס מַיין זִינְד אַז מֶען קֶען זִיא גָאר נִיט פַאר גֶעבִּין. קַיִן הָאט גִזָאגְט פַאר גָאט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיז דֶען מַיין זִינְד גְרֶעסֶער פַאר דִיא זִינְד פוּן דִיא זֶעקְס מָאהל הוּנְדֶערְט טוֹזֶענְד יוּדִין וָואס וֶועלִין זִינְדִיגֶען פַאר דִיר אוּנ דוּא וֶועסְט זֵייא מוֹחֵל זַיין. דְרִיבֶּער הָאט גָאט גִימוּזְט אִיהם מוֹחֵל זַיין. בַּיי עֵשָׂו שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עֶר הָאט גִזָאגְט צוּ זַיין פָאטֶער יִצְחָק מַיין פָאטֶער הָאסְטוּ נָאר גִיהַאט אֵיין בְּרָכָה וְאוֹיבּ עֶס אִיז אֱמֶת אַז גָאט קֶען אַלְץ טָאהן אוּנ דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז זַיינֶע. וִויא אַזוֹי קֶען דָאס זַיין עֶר זָאל נָאר הָאבֶּען אֵיין בְּרָכָה. הָאסְטוּ מֶער בְּרָכוֹת בֶּענְטְשׁ מִיךְ אוֹיךְ. אוּנ אוֹיבּ דוּא הָאסְט נִיט מֶער קֵיין בְּרָכָה. מוּז זַיין אַז נִיט אַלְץ אִיז בַּיי גָאט אִין הַאנְט. אִיז גֶעוֶוען דָא נָאךְ אַנָאט. דְרִיבֶּער הָט יִצְחָק אִים גִימוּזְט בֶּענְטְשִׁין. בַּיי מְנַשֶּׁה וַוייל עֶר הָאט פְרִיעֶר גִירוּפֶען צוּא אַלֶע עֲבוֹדָה זָרוֹת אוּנ זֵייא הָאבֶּען אִיהם נִיט גִיעֶנְפֶערְט. דֶער נָאךְ אַז עֶר הָאט גִירוּפֶען צוּם גָאט פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערִין. הָאט גָאט אִיהם גִימוּזְט עֶנְפֶערִין. וָוארוּם אַז נִיט וָואלְט עֶר גִזָאגְט אַז גָאט קֶען אוֹיךְ נִיט הֶעלְפִין:

סג משנה. שְׁלֹשָׁה. דְרַיי מְלָכִים אוּנ פִיר פְּרָאסְטֶע מֶענְטְשִׁין הָאבֶּען נִיט קֵיין חֵלֶק אִין עוֹלָם הַבָּא. וֶוער זֶענֶען דִיא דְרַיי מְלָכִים. יָרָבְעָם בֶּן נְבָט. אַחְאָב: מְנַשֶּׁה. רַבִּי יְהוּדָה זָאגְט מְנַשֶּׁה הָאט יָא עוֹלָם הַבָּא. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מְנַשֶּׁה הָאט גִיבֶּעטִין צוּ גָאט. אוּנ גָאט אִיז אִיבֶּער גִיבֶּעטִין גִיוָוארִין צוּ אִים. אוּנ עֶר הָאט גִיהֶערְט זַיין גִיבֶּעט; אוּנ הָאט אִיהם צוּרִיק גִיקֶערְט אִין יְרוּשָׁלַיִם צוּ זַיין מְלוּכָה. הָאבֶּען דִיא חֲכָמִים גִזָאגְט צוּא רַבִּי יְהוּדָה צוּא זַיין מְלוּכָה הָאט אִיהם גָאט צוּרִיק גִיקֶערְט. אָבֶּער צוּ עוֹלָם הַבָּא הָאט מֶען אִיהם נִיט צוּרִיק גִיקֶערְט. וֶוער זֶענֶען דִיא פִיר פְּרָאסְטֶע מֶענְטְשִׁין. בִּלְעָם. דוֹאֵג. אֲחִיתוֹפֶל. גֵיחֲזִי: דִי גְמָרָא פְרֶעגְט וֶוער הָאט גִיצֵיילְט דִי אַלֶע זִיבֶּען מֶענְטְשִׁין. הָאט רַב אַשִׁי גִיזָאגְט דִיא אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְדוֹלָה הָאבֶּען זֵייא גִיצֵייקְט:

סד תָּנוּ רַבָּנָן. דִיא רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערְנְט מֶען הָאט אִיהם גִירוּפֶען יָרָבְעָם. וַוייל רָבַע עָם. עֶר הָאט גִירֵייגְט דָאס פָאלְק יוּדִין אוּנ הָאט זֵייא נִידֶערִיג גִימַאכְט. אַנְדֶערֶע זָאגִין דְרִיבֶּער הָאט מֶען אִיהם גִירוּפֶען יָרָבְעָם. וַוייל עֶר הָאט גִימַאכְט אַקְרִיג צְווִישֶׁען דָאס פָאלְק יוּדִין. דֶער הָאט גִזָאגְט מֶען זָאל דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה. דֶער הָאט גִזָאגְט מֶען זָאל נִיט דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה. דֶער וַוייל אִיז גִיוָוארִין אַקְרִיג צְווִישֶׁען זֵייא. אַנְדֶערֶע זָאגִין דְרִיבֶּער הָאט מֶען אִים גִירוּפֶען יָרָבְעָם. וַוייל עֶר הָאט גִימַאכְט אַקְרִיג. צְווִישֶׁען דִיא יוּדִין אוּנ גָאט. בֶּן נְבָט הָאט מֶען אִיהם

בן נבט בן שניבט ולא ראה. תנא הוא נבט הוא מיכה הוא שבע בן בכרי. נבט שניבט ולא ראה. מיכה שנתמסכך בבנין ומה שמו שבע בן בכרי שמו. ת"ר שלשה ניבטו ולא ראו ואלו הן נבט ואחיתופל ואצטגניני פרעה. נבט שראה אש שיוצא מאמתו הוא סבר איהו מלך ולא היא ירבעם הוא דנפק מיניה. אחיתופל דראה צרעת שפרחה לו על אמתו הוא סבר איהו מליך ולא היא בת שבע [בתו] היא דנפק מינה שלמה. אצטגניני פרעה דאמר ר' חמא בר חנינא מאי דכתיב (במדבר כ) המה מי מריבה המה שראו אצטגניני פרעה וטעו ראו שמושיען של ישראל במים הוא לוקה אמרו (שמות א) כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו והם לא ידעו שעל עסקי מי מריבה הוא לוקה. ומנא לן דלא

שניבט ולא ראה. היה סבור להביט יפה ולעמוד על דבר עיקר ולא ראה שטעה כדאמרינן לקמן ראה אש יוצא מאמתו וכו': נתמסכך בבנין. של מצרים שנתנוהו בבנין במקום לבנה כדמפרש בהגדה שא"ל משה להקב"ה אתה הרעותה לעם הזה שעכשיו אם אין להם לבנים מביאין בני ישראל בבנין א"ל הקב"ה קוצים הם מכלין שגלוי לפני שאלו הם חיים היו רשעים גמורים ואם תרצה תנסה ותוציא אחד מהן הלך והוציא את מיכה. ל"א נתמסכך עסק בבנין עד שנעשה עני כדאמרינן כל העוסק בבנין מתמסכן: הוא סבר איהו מליך. ולכן נתאמץ שבע בן בכרי וקבץ כל ישראל אליו והיה רוצה למלוך כדכתיב בקרא: איהו מליך. ולכן נעשה יועץ לאבשלום כדי שהסיב המלוכה מדוד לאבשלום ובין כך ובין כך יתגלגל הדבר והשוב אליו: על מי מריבה. שנטון שאמר משה שמעו נא המורים נענש ולא נכנס לא"י: ומנא לן דלא אתי. ירבעם לעלמא דאתי וה"נ מפרש לקמן בכולהו ג' מלכים וד'

גערופן. ווייל ער איז געוועזן אזוהן פון דעם מענטש וואס ער האט גיקוקט. ער האט גיווארט זעהן אזאך. ער האט אבער ניט גוט גיזעהן. מיר האבען גילערונט נבט און מיכה און שבע בן בכרי דאס איז אלץ איין מענטש ער האט גיהייסען דריי נעמען נבט. מיכה; שבע בן בכרי. נבט האט מען איהם גירופען ווייל ער האט גיקוקט און ער האט ניט גוט גיזעהן. מיכה האט מען איהם גירופען ווייל מען האט איהם אין מצרים איין גימאהערט אין וואנט פאר אציגול וואזוי וויא עס שטייט אין מדרש ווען משה האט גזאגט צו גאט פאר וואס האסטו אזוי שלעכט גיטאהן צו דעם פאלק. איצט אז זייא האבען ניט קיין ציגול לייגין זייא אריין דיא קינדער אין וואנט פאר ציגול. האט גאט גזאגט צו משה דוא זאלסט דיך ניט מצער זיין. זייא פאר לענדין דערנער. איך וויים אז דיא קינדער וואלטין גילעבט און גרוים גיווארין וואלטין זייא גיוועזן רשעים. און אויב דוא ווילסט פרוב נעם ארוים איין קינד וועסטו זעהן וואס פון איהם וועט ווערין אז ער וועט זיין גרוים. האט משה ארוים גיצויגען דעם מיכה. און זיין אמת'ר נאמען איז געווען שבע בן בכרי. דיא רבנן האבען גילערונט דריי מענטשין האבען גיקוקט אויף אזאך און האבען ניט גוט גיזעהן. דיא דריי מענטשין ווענען נבט. אחיתופל. און דיא שטערין זעהר פון פרעה. נבט האט גיזעהן פייער איז ארוים גיגאנגען פון זיין מילה דער פייער איז א סימן אויף מלוכה. ער וועט זיינע אלע שונאים פאר ברענען און וועט קיניגען אויף זייא. האט נבט גימיינט ער אליין וועט זיין א מלך. אבער ער האט ניט גוט גיזעהן. ירבעם וואס איז גיבארין גיווארין פון אים איז געווען א מלך. אחיתופל האט גיזעהן קרעץ בליהט אויף זיין מילה דאס איז אויך א סימן אויף מלוכה. ווארום א קרעציגער דארף זיין אפ געזונדערט פון פאלק. און א מלך איז אויך אפ געזונדערט פון פאלק. ער האט גימיינט אז ער אליין וועט זיין א מלך. עס איז אבער ניט אזוי געווען: דיא מלוכה איז גיווארין פון זיינע קינדער. בת שבע וואס איז געווען א אייניקול פון אחיתופל איז זיא געווען דיא מוטער פון שלמה המלך. וואס איז געווען ביי די שטערין זעהר פון פרעה. רבי חמא בר חנינא האט גזאגט עס שטייט אין פסוק דאס זענען דיא וואסער פון קריג. דאס זענען דיא וואסער וואס דיא שטערין זעהר פון פרעה האבען גיזעהן און האבען גיהאט א טעות. זייא האבען גיזעהן אז דער העלפער פון יודין וועט גישלאגן ווערין דורך וואסער: האבען זייא גזאגט אלע קינדער וואס ווערין גיבארין ווערין זאל מען זייא אריין ווארפען אין וואסער. וועט משה אויך אריין גיווארפען ווערין אין וואסער. זייא האבען אבער ניט גיוואוסט אז ניט דורך דיא וואסער וועט ער גישלאגין ווערין. נאר דורך אנדערע וואסער. וואס ער האט גישלאגן דעם שטיין אין דער מדבר פון איהם זאל גיין וואסער. זאגט דיא גמרא פון וואנען

דלא אתי לעלמא דאתי דכתיב (מ"א יג) ויהי בדבר הזה להטאת בית ירבעם להכחיד ולהשמיד מעל פני האדמה להכחיד בעולם הזה ולהשמיד לעולם הבא, אמר ר' יוחנן מפני מה זכה ירבעם למלכות מפני שהוכיח את שלמה ומפני מה נענש מפני שהוכיחו ברבים שנאמר (שם יא) וזה הדבר אשר הרים יד במלך שלמה בנה את המלוא סגר את פרץ עיר דוד אביו א"ל דוד אביך פרץ פרצות בחומה כדי שיעלו ישראל לרגל ואתה גדרת אותם כדי לעשות אנגריא לבת פרעה ומאי זה אשר הרים יד במלך אמר רב נחמן שחלץ תפליו בפניו:

כה אמר רב נחמן גסות הרוח שהיה בו בירבעם טרדתו מן העולם שנאמר (מ"א יב) ויאמר ירבעם בלבו עתה תשוב הממלכה לבית דוד אם יעלה העם הזה לעשות זבחים בבית ה' בירושלים ושב לב העם הזה אל אדוניהם אל רחבעם מלך

פרצות : הוכיח את שלמה . כדמפרש ואזיל דאמר דוד אביך כו' : ומפני מה נענש שהוכיחו ברבים . נביהו : פרץ פרצות בחומה כדי שיעלו . ויכנסו בריות : ואתה גדרת אותם כדי לעשות אנגריא . כדי שיכנסו בשערים לידע מי נכנס כדי לגבות מס לבת פרעה מ"ר . ל"א שסגר השערים ועשה מגדל לבת פרעה על אחת מן השערים וכולם עוברים דרך שם שהיו מלוין עמה לכבדה ולעבדה . כל עבודת בית המלך קרי אנגריא . ל"א לעשות אנגריא שהיה רגיל שלמה לסגור דלתות העזרה ומניח מפתחות בידו ודרכו של מלך לישן שלש שעות ביום וישראל עומדין על פתח העזרה עד שיעמוד המלך ואמר לו ירבעם אתה רוצה שיהו לך אנגריא לבת פרעה אשתך שתתן להם מפתחות : בית המלוא . אחד מן הפרצות גדר ומלאו ונטל החומה ובנה שם מגדל לבת פרעה ולהכניס בעובדים לה לעיל מהאי קרא כתיב וירם יד במלך כלומר קם בגבורה כנגד המלך ומרד בו : שחלץ תפליו בפניו . שהיה לו לפנות לצד אחר מפני אימת מלכות ולחלוץ שלא בפניו . ל"א שחלץ תפליו בפניו לבא להכנים כנגדו בחזקה אין תפליו אין נכון לו ות בגלוי ראש לפני המלך והוא התחיל במרד ככך להראות ולומר לו שאינו נוהג כמוך :

װייסען מיר אז ירבעם בן נבט װעט ניט האבען עולם הבא. װארום עס שטייט אין פסוק דיא זאך איז געװען אזינד צו דיא קינדער פון ירבעם צו פאר שניידען אונ פאר טיליגען זייא פון דער ערד. צוא פאר שניידען זייא פון דער װעלט. אונ פאר טיליגען זייא פון עולם הבא. רבי יוחנן זאגט פאר װאס האט זוכה געװען ירבעם צו זיין אמלך. װייל ער האט געשטראפט שלמה המלך. אונ פאר װאס איז ירבעם געשטראפט געװארין. װייל ער האט איהם געשטראפט אונ פאר שעמט פאר פיל מענטשין. אזוי װיא עס שטייט אין פסוק דאס איז די זאך װאס ירבעם האט אויף געהויבען זיין האנט צו שטראפין דעם מלך שלמה. ער הט געבאהט דעם מלוא אונ ער האט פאר שלאסין דאס אויס בערעכונג פון דיא שטאט פון זיין פאטער דוד. ירבעם האט גזאגט צו שלמה דיין פאטער דוד הט אויס געבראכין דיא מאהער יודין זאלין האבען נענטער צו קומען אויף יום טוב אין ירושלים. אונ דוא פאר מאהערסט דיא װענט מען זאל מוזין אריין גיין דורך טויערין, דוא זאלסט קענען נעמען אפ צאהלונג פון דיא מענטשין װאס קומען אריין. אונ דאס געלט זאל געהערין צו דיא טאכטער פון פרעה. נאנדערע זאגין אזוי איז געװען שלמה פלעגט אלע פארין נאכט פאר שליסען דיא טירען פון דיא עזרה אונ דיא שליסלען פלעגט ער בעהאלטין ביי זיך. אונ שלמה פלעגט שלאפין ביז דריי שעה אויפען טאג. אונ דיא יודין פלעגין שטיין ביי דיא טיר פון דיא עזרה אונ פלעגין װארטין ביז שלמה פלעגט קומען עפענען. האט אמאהל ירבעם גזאגט צו שלמה. דוא טהוסט װעלין מען זאל בצאהלין דיין װייב דיא טאכטער פון פרעהו פאר דיא שליסלען ארויס געבין: װאס פאר װאס שטייט ער האט אויף געהויבען דיא האנט געגין שלמה, רב נחמן זאגט ביי דער צייט איז ירבעם גיגאנגען אן גיטאהן אין תפלין. אונ װען ער הט געװאלט גיין צו שלמה קריגען מיט אים. האט ער אויף גיהויבין דיא האנט אראפ צוא נעמען דיא תפלין. װייל עס פאסט ניט מען זאל מאכען אקריג װען מען איז אן גיטאהן אין תפלין:

כה אמר. רב נחמן האט גזאגט דיא גרויסקייט פון ירבעם האט איהם פאר טריבען פון דער װעלט. אזוי װיא עס שטייט אין פסוק ירבעם האט געטראכט אין זיין הארצין איצט װעט צוריק גיקערט װערין דיא קיניגרייך צו דיא משפחה פון דוד. אזיב דאס פאלק װעט אויף גיין צו מאכען קרבנות אין דיא הויז פון גאט װאס אין ירושלים. װעט צוריק גיקערט װערין דיא הארץ פון דעם פאלק צו זייער האר צו רחבעם דער מלך פון יהודה װעלין זייא מיך הרגען אונ זייא

יהורת והרגוני ושבו אל רחבעם מלך יהודה. (אמר) גמירי דאין ישיבה בעזרה אלא למלכי בית יהודה בלבד כיון דחזו ליה לרחבעם דיתיב ואנא קאימנא סברי הא מלכא והא עבדא ואי יתיבנא מורד במלכות הואי וקטלין לי ואזלו בתריה מיד (שם) ויועץ המלך ויעש שני עגלי זהב ויאמר אליהם רב לכם מעלות ירושלים הנה אלהיך ישראל אשר העלוך מארץ מצרים וישם את האחד בבית אל ואת האחד [נתן] בדן מאי ויועץ א"ר יהודה (אמר רב) שהושיב רשע אצל צדיק אמר להו חתמיתו על כל דעבידנא אמרו ליה הן אמר להו מלכא בעינא למיהוי אמרו ליה הן כל דאמינא לכו עבדיתו אמרו ליה הן אפילו למפלח לעבודה זרה אמר ליה צדיק חס ושלום אמר ליה רשע לצדיק סלקא דעתך דגברא כירבעם פלח לע"ז אלא למינסינהו הוא דקא בעיי אי מקבליתו למימריה אי לא (דף קב) ואף אחיה השלוני טעה וחתם דהא יהוא צדיקא רבה הוה שנאמר (מ"ב י) ויאמר ה' אל יהוא יען אשר הטיבות לעשות הישר בעיני וגו' וכתיב (שם) ויהוא לא שמר ללכת בתורת ה' אלהי ישראל וגו' מאי גרמא ליה אמר אביי ברית

גמירי דאין ישיבה. הלכה למשה מסיני ולא מקרא: שהושיב רשע אצל צדיק. ואומר להם להעמיד להם אלה אחד בבית אל ואחד בדן הסכימו עמו · א"ל רשע לצדיק ס"ד גברא כירבעם פלח לע"ז אלא למינסינהו בעי. אם דעתם שלם עמו נתגלה בדבר וכך היה מטעה רשע לצדיק עד שהיו כולן חתומין; וכשהן היו קלים לשוב לא היו יכולין לחזור בהם: אף אחיה השילוני טעה. בדבר דסבר לנסוייהו אתי והתם באותו מעשה: שנא' ויאמר ה' אל יהוא

וועלין צוריק קערין צו רחבעם דעם מלך פון יהודה. ירבעם האט געזאגט מיר האבען געלערנט אז אין דיא עזרה טאר קיינער ניט זיצען נאר דיא מלכים פון שבט יהודה. אז דיא יודין וועלין זעהן רחבעם זיצט אין דיא עזרה. אונ איך מוז שטיין וועלין זייא זאגין רחבעם איז אמלך אונ איך בין אקנעכט. אונ אויב איך וועל אויך זיצען וועלין זייא זאגין איך זינדיג געגין דיא מלוכה פון רחבעם וועלין זייא מיך הרגנן אונ זייא וועלין גיין צו רחבעם. האט ירבעם באלד גיהאלטען אעצה אונ ער האט גימאכט צוויי גאלדענע קעלבער אונ ער האט געזאגט צוא דיא יודין גענוג אויף צוא גיין אין ירושלים. יודין דאס איז דיין גאט [דיא קעלבער] זייא האבען דיך אויף גיברענגט פון מצרים. אונ איין קאלב האט ירבעם גישטעלט אין דן אונ דיא אנדערע קאלב האט ער גישטעלט אין בית אל. וואס איז גיוועזן דיא עצה פון ירבעם. רב יהודה זאגט דיא אלע מענטשין וואס זענען דארטין גיזעסין. האט ירבעם גיהייסען ארשע זאל זיצען נעבין אצדיק. וארשע נעבין אצדיק. ביז אלע מענטשין זענען אזוי גיזעסין ארשע נעבין אצדיק: דער נאך האט ער צו זייא גזאגט איר וועט אייך התמנן אויף אלץ וואס איך וועל טאהן. האבן זייא גזאגט יא. האט ירבעם צו זייא גזאגט איך וויל ווערין אויף אייך אמלך. האבען זיי גזאגט יא. האט ירבעם צו זייא גזאגט אלץ וואס איך וועל אייך זאגין וועט איר טאהן. האבין זייא גזאגט יא. האט ירבעם גזאגט אפילו איך וועל זאגין צו אייך איר זאלט דינען עבודה זרה. וועט איר אויך טאהן. האט דער צדיק גזאגט חס ושלום עבודה זרה וועל איך ניט דינען. הט דער רשע גזאגט צום צדיק וויא מיינסטו אזוי אמענטש וויא ירבעם וועט דינען עבודה זרה. ירבעם וויל אונז נאר פרובין אויב מיר וועלין איהם פאלגין אלץ וואס ער וועט זאגין. אדער ניין. דריבער האט ער אן גיהאפט אשווערע זאך אפילו עבודה זרה צו דינען. אבער ער מיינט גאר ניט צו דינען עבודה זרה. אזוי האט דער רשע גינארט דעם צדיק ביז אלע האבען זיך גיחתמת. אז וואס ירבעם וועט פון זייא פאר לאנגען זאלין זייא טאהן. אונ אפילו דער צדיק אחיה השלוני האט אויך אטעות גיהאט אונ האט גימיינט אז ירבעם וויל זיי נאר פרובין אונ ער האט זיך אויך גיחתמת. פון וואנען ווייסען מיר אז אחיה האט אויך אטעות גיהאט. ווארום יהוא איז גיוועזן אגרויסער צדיק אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צוא יהוא ווייל דוא האסט גוט גיטאהן וואס עס איז וואהל גיפעלין אין מיינע אויגען. דער נאך שטייט אין פסוק יהוא האט ניט געהיט צו גיין אין דיא תורה פון גאט. פאר וואס איז יהוא אוועק

ברית כרותה לשפתים שנאמר (שם) אחאב עבד הבעל מעט יהוא יעבדנו הרבה רבא אמר חותמו של אחיה השילוני ראה וטעה דכתיב (הושע ה) ושחטה שטים תעמיקו ואני מוסר לכלם א"ר יוחנן אמר הקב"ה הם העמיקו משלי אני אמרתי כל שאינו עולה לרגל עובר בעשה והם אמרו כל העולה לרגל ידקר בחרב:

(מ"א יא) **כו ויהי** בעת ההיא וירבעם יצא מירושלים וגו' תנא משום רבי יוסי עת היא מזומנת לפורענות. (בראשית לח) ויהי בעת ההיא וירד יהודה תנא משמיה דרבי יוסי עת היא מזומנת לרעה. (ירמיה נא) בעת פקודתם יאבדו תנא משום ר' יוסי עת היא מזומנת לפורענות. (ישעיה מט) בעת רצון עניתיך תנא משום ר' יוסי עת היא מזומנת לטובה. (שמות לב) וביום פקדי ופקדתי עליהם חטאתם תנא משום

פירוש

וגו' לעשות הישר והטוב ויהוא לא שמר ללכת בתורת ה'. ואמרינן מאי גרמא ליה ואמר רבא חותמו של אחיה השילוני ראה וטעה מכלל דהוא טעה: ושחטה שטים העמיקו. שטים ע"ז כ"ש שטים אחריה לשחוט לע"ז: העמיקו. והעמיקו שאמרו שכל מי שעולה לרגל ידקר בחרב כדי שילכו כלם וישתחוו לפני העגלים: ואני מוסר לכלם. כלומר אנכי לא אמרתי כ"כ לכבוד ע' מי לומר כל מי שאינו עולה לרגל ידקר בחרב כמו שהם הם לכבוד ע"ז אלא יסורין בעלמא יכרתים כלומר דעבר בעשה: [נ"א] שטים כלומר בטייה שלהם שסרו מאחרי העמיקו עד שהיטה שחייבו מיתה כל מי שעולה לרגל ומניח את העגלים. ושחטה לשון שחיטה: מזומנת לפורענות. שבה נחלקה מלכות ישראל דסמיך ליה ויקח את השלמה ויקרע לי"ב קרעים וגו': ויהי בעת ההיא וירד יהודה. מזומנת לפורענות שאמר נתחייבה בשריפה ומתו שני בניו: ביום פקדי. בט' באב שבכל השנה מתוקן מ' שנה שעמדו במדבר יום מזומן לפורענות בו חטאו מרגלים בו נחרב הבית בראשונה ובשניה:

גינאנגען פון דיא תורה. אביי זאגט עס איז אגזרה אז אמענטש רעט ארויס אשלעכטין װארט װערט דאס מקוים. אונ עס שטייט אין פסוק יהוא האט גזאגט אחאב האט געדינט די עבודה זרה װייניג אונ יהוא װעט איר דינען פיל. װייל יהוא האט ארויס גירעט דעם װארט אז ער װעט דינען עבודה זרה. אפילו ער האט ניט גימיינט מיט אמת פון דעסטװעגן איז דאס מקוים גיװארין אונ ער האט טאקי געדינט עבודה זרה. רבא זאגט יהוא האט גיזעהן די חתימה פון אחיה השילוני אז ער איז גיחתמת ביי ירבעם צו דינען עבודה זרה. האט יהוא גזאגט אז אחיה װיל דינען עבודה זרה. מעג איך דאך געװיס דינען עבודה זרה. װעהן מיר אז אחיה האט אויך גיהאט אטעות אונ האט זיך גיחתמת ביי ירבעם. אזוי װיא עס שטייט אין פסוק ושחטה שטים העמיקו ואני מוסר לכולם. ירבעם האט גינארט דיא יודין אונ ער האט גזאגט װי אזוי קען איך מיינען מען זאל דינען עבודה זרה. ואני מוסר לכולם אז איך האב ביז איצט גזאגט מוסר צו אלע יודין זייא זאלין זיין פרום. רבי יוחנן זאגט גאט האט גזאגט ושחטה שטים העמיקו זייא דינען צו דיא עבודה זרה אונ שעכטין צו איר קרבנות. נאך בעסער װיא זייא האבען געדינט צו מיר. איך האב גזאגט דער װאס װעט ניט אויף גיין אויף יום טוב אין ירושלים איז ער עובר אויף אמצות עשה. אונ די יודין האבען גיזאגט װער עס װעט גיין אויף יום טוב אין ירושלים ואונ ער װעט אװעק לאזין דיא קעלבר אונ װעט ניט דינן צו זייא] זאל מען אים שטעכין מיט אשװערד:

כו ויהי. אונ עס איז גיװעז אין דיא צייט איז ירבעם ארויס גינאנגען פון ירושלים. מיר האבען גילערנט פון רבי יוסים װעגין דיא צייט איז גיװעזן אנגיברייט צוא שלעכטס. דיא מלוכה פון דיא יודין איז צו טיילט גיװארין. עס שטייט אין פסוק אין דיא צייט האט יהודה גענידערט פון זיינע ברידער. מיר האבען גילערנט פון רבי יוסים װעגין דיא צייט איז גיװעזן אנגיברייט צו שלעכטס. זיינע צװיי קינדער זענען גישטארבין. עס שטייט אין פסוק אין דיא צייט פון זייער בעפעלונג װעלין זייא פאר לארין װערין. מיר האבען גילערנט פון רבי יוסים װעגין דיא צייט איז גיװעזן אנגיברייט צו שלעכטס. עס שטייט אין פסוק אין די צייט פון בװיליגונג װעל איך דיר ענפערין. מיר האבען גילערנט פון רבי יוסים װעגין דיא צייט איז אן גיברייט צו גוטען. עס שטייט אין דעם פסוק אין דעם טאג פון מין בפעלונג װעל איך אויף זייא בפעלין זייער זינד. מיר האבען גילערנט פון רבי יוסים װעגין דיא צייט איז אן גיברייט צום

משום ר' יוסי עת היא מוסנת לפורענית . (מ"א יב) וילך רחבעם שכם כי שכם באו כל ישראל להמליך אותו תנא משום ר' יוסי מקום מזומן לפורענות בשכם ענו את דינה בשכם מכרו אחיו את יוסף בשכם נחלקה מלכות ב"ד . (שם יא) וירבעם יצא מירושלים וגו' אר"ח ב"פ שיצא מפתקה של ירושלים . (שם) וימצא אותו אחיה השילוני הנביא בדרך והוא מתכסה בשלמה חדשה ושניהם לבדם בשדה מאי בשלמה חדשה אר"נ כשלמה חדשת מה שלמה חדשה אין בה שום דופי אף תורתו של ירבעם לא הי' בו שום דופי ד"א שלמה חדשה שחדשו דברים שלא שמעה אוזן מעולם . מאי ושניהם לבדם בשדה אר"י א"ר שכל ת"ח דומין לפניהם כעשבי השדה וא"ד שכל טעמי תורה מגילין להם כשדה . (מיכה א) לכן תתני שלוחים על מורשת גת בתי אכזיב לאכזב למלכי ישראל אר"ח בר פפא יצתה בת קול ואמרה להן מי שהרג את הפלשתי והוריש אתכם גת תתני שלוחים לבניו בתי אכזיב לאכזב למלכי ישראל :

בשכם מכרו אחיו את יוסף : כדכתיב הלוא אחיך רועים בשכם ודותן דכתיב בקרא הייתו כפר הסמוך לשכם ומקרא על שם שכם א"נ כמדרשו שהיו דנין עליו להרגו : בשכם נחלקה מלכות בית דוד . כדכתיב במלכים : מפתקה של ירושלים . מכללה שלא להזור בה לעולם ולא ליטול חלק בעבודה : מפתקה . כגון נפל פתקא מרקיעא כלומר מהחקה של ירושלים הכתוב ותוס בה : שום דופי . גמגום בתלמודו : שחדשו . ודרשו דברי תורה בין ירבעם לאחיה : יצתה בת קול ואמרה . כשאמליכו את ירבעם : מי שהרג את הפלשתי . דוד וע"י כן היה מוריש להם גת לכן תתני שלוחים נגרו באשובו מלכי בית דוד ותמליכו אחרים : בתי אכזיב לאכזב . למלכות בית דוד אתם מכזבים והלכתם אחרי מלכי ישראל לפיכך תהיו נמסרים לאכזב ביד העכו"ם שהם שטי כזב :

שלעכטין . דאס מיינט מען דעם טאג פון תשעה באב . אין דעם טאג איז דער מאנט געווארין דיא זינד פון עגל . דריבער איז אין דעם טאג פאר ברענט געווארין דער ערשטער בית המקדש אונ דער אנדערער בית המקדש . עס שטייט אין פסוק רחבעם איז געגאנגען אין שכם . ווארום אין שכם זענען געקומען אלע יודין צו מאכען איהם פאר אמלך . מיר האבען געלערנט פון רבי יוסים וועגין דער ארט שכם . איז פון אייביג אנגעברייט צו שלעכטס . אין שכם האט מען געפייניגט דינה . אין שכם האבען דיא ברידער פאר קויפט זייער ברודער יוסף . אין שכם איז צו טיילט געווארין דיא מלוכה פון דוד . אין פסוק שטייט ירבעם איז ארויס געגאנגען פון ירושלים . רבי חנינא בר פפא זאגט ירבעם איז ארויס געגאנגען פון ירושלים ער זאל שוין קיין מאהל אין איר ניט צוריק קומען . אין פסוק שטייט אחיה השילוני דער נביא האט איהם געטראפען אין וועג אונ ער איז געוועזען בדעקט מיט אנייע קלייד אונ ביידע אליין זענען געוועזען אין פעלד . וואס מיינט מען מיט אנייע קלייד . רב נחמן זאגט מען מיינט אזוי וויא אנייע קלייד . אזוי וויא אנייע קלייד איז אין איר ניטא קיין פלעק . אזוי אין די תורה וואס ירבעם האט געלערנט איז ניט געוועזען קיין פלעק . אז ירבעם האט געלערנט תורה איז ניט געוועזען צו פרעגין קיין קשיא . אנדערע זאגין אזוי מיינט מען אנייע קלייד : ירבעם אונ אחיה האבען דאמאלס געלערנט אזעלכע נייע זאכען איבער תורה וואס דיא אויערין פון קיין מענטש אין דער וועלט האבען דס ניט געהערט . וואס מיינט מען ביידע אליין זענען געוועזען אין פעלד . רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין אלע תלמידי חכמים זענען געוועזען גליך פאר אחיה אונ ירבעם אזוי וויא דיא גראז אין פעלד . אנדערע זאגין אזוי מיינט מען אלע טעמים אונ סודות פון דער תורה איז געוועזען אויף גידעקט פאר זיי אזוי וויא דיא פעלד : עס שטייט אין פסוק לכן תתני שלוחים על מורשת גת בתי אכזיב לאכזב למלכי ישראל רבי חנינא בר פפא זאגט ווען דיא יודין זענען ארויס געגאנגען פון ירושלים מאכען ירבעם פאר אמלך איז ארויס געגאנגען אקול פון הימעל אונ הט גזאגט צו דיא יודין דער מענטש (דוד המלך) וואס האט גיהרגת דעם גלית הפלשתי אונ האט אייך געמאכט ירשענען דיא שטאט גת . זאלט איר געבין אוועק שיקונג צו זיינע קינדער . זאלט איר אוועק שיקען זיינע קינדער פון צוא זיין מלכים . אונ איר מאכט אמלך אפרעמדין מענטש . וויל אייערע הייזער זענען מיט פאלשקייט צו די קינדער פון דוד אונ איר גייט צו די מלכים פון ישראל . דריבער וועט איר איבער געגעבען ווערין צו די פאלשע פעלקער . זייא זאלין אויף אייך געוועלטיגען :

סז אמר ר' חיננא בר פפא כל הנהנה מן העה"ז בלא ברכה כאילו גוזל להקב"ה וכנסת ישראל שנאמר (משלי כח) גוזל אביו ואמו ואומר אין פשע חבר הוא לאיש משחית ואין אביו אלא הקב"ה שנאמר (דברים לב) הלוא הוא אביך קנך ואין אמו אלא כנ"י שנאמר (משלי א) שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך. מאי חבר הוא לאיש משחית חבר הוא לירבעם בן נבט שהשחית ישראל לאביהם שבשמים:

(מ"ב יז) סח וידח ירבעם בן נבט את ישראל מאחרי ה' והחטיאם חטאה גדולה א"ר חנן כשתי מקלות המתיזות זו את זו (דברים א) ודי זהב אמרי דבי רבי ינאי אמר משה לפני הקב"ה רבש"ע בשביל כסף וזהב שהשפעת להן לישראל עד שאמרו די גרם להם לעשות להם אלהי זהב משל אין ארי דורס ונוהם מתוך קופה של תבן אלא מתוך קופה של בשר. א"ר אושעיא עד ירבעם היו ישראל יונקים מעגל

ואין אביו אלא הקב"ה שנאמר וכו' ואין גוזל כלפי מעלה וכלפי כנסת ישראל אלא זה הנהנה שמונע מלברך כ"י הוא גוזל להקב"ה שהחכמים תקנו על כל דבר ודבר ברכה כדאמרינן כל הטועם ואינו מברך נקרא גוזל שנאמר לה' הארץ ומלואה:

כשתי מקלות המתיזות זו את זו. כאדם שיש בידו מקל אחד ומכה בו מקל אחר ומתיזו ומשליכו ברחוק כך הדיח ירבעם את ישראל מאחרי ה' בעל כרחם: ודי זהב. איידי דאיירי עד השתא בעגלים של ירבעם מפרש האי קרא: מתוך קופה של בשר. כשיש לו הרבה לאכול הוא נוהם: עד ירבעם היו ישראל יונקים מעגל אחד. [לוקין] על חטא עגל אחד שעשו במדבר: ה"ג מכאן ואילך [היו] יונקים מג' עגלים. ב' מירבעם ושלישי

סז אמר . רבי חיננא בר פפא האט געזאגט דער וואס האט הנאה פון דער וועלט ולמשל ער עסט אונ טרינקט] אונ מאכט ניט קיין ברכה. איז גלייך וויא ער וואלט גיגזלת ביא גאט אונ ביא דיא יודין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער וואס גזלת ביא זיין פאטער אונ מוטער אונ ער זאגט עס איז ניט קיין עבירה איז אחבר צו דעם מענטש וואס איז אפארדארבער. דער פאטער מיינט מען גאט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט איז דיין פאטער וואס האט דיך גיקויפט. דיא מוטער מיינט מען דיא יודין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק הער מיין זוהן דיא שטראף פון דיין פאטער [פון גאט] . דוא זאלסט ניט פאר לאזין דיא לערנונג פון דיין מוטער [פון דיא יודישע פאר זאמלונג] . וואס קען מען גזלנין ביא גאט אונ ביא דיא יודישע פאר זאמלונג. נאר דיא גאנצע וועלט אונ אליץ וואס אין איהר איז דא גיהער צו גאט . אונ אז איינער עסט אונ טרינקט אונ מאכט אברכה אונ לויבט צו גאט שיינקט איהם גאט דאס עסינוואריג אונ דאס גיטראנק אז ער מעג פון דעם הנאה האבין . אבער אז ער מאכט ניט אברכה גזלת ער דאס עסינווארג אדער דאס גיטראנק פון גאט . אונ גאט וויל שוין מער ניט שפייזן דיא וועלט . גזלת ער דאך דיא וועלט וואס זייער שפייז ווערט געמינערט דורך אים . אונ וואס מיינט מען ער איז אחבר צו דעם מענטש וואס איז אפארדארבער . וועער איז דער פארדארבער . ער איז אחבר צוא ירבעם בן נבט וואס ער האט פארדארבין דיא יודין צוא זייער פאטער וואס אין הימעל :

סח וידח . ירבעם בן נבט האט פארשטויסין דיא יודין פון גאט אונ ער האט זייא גמאכט זינדיגען אגרויסע זינד . רבי חנן זאגט ער האט דיא יודין אזוי אשטארקין שטויס גיטאהן אזוי וויא איינער וואס האלט אין האנט צווייא שטעקינס אונ ער טוהט אקלאפ מיט איין שטעקין אין דעם אנדערין אונ דער שטעקין טוהט אשפרונג גאנץ ווייט . עס שטייט אין פסוק ודי זהב צענוג גאלד] . דבי רבי ינאי זאגין משה האט גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם וויל דוא האסט גיגעבין צוא דיא יודין אזוי פיל גאלד אונ זילבער ביז זייא האבין גיזאגט גענוג . דאס האט זייא גיבריינגט דער צוא זייא זאלין מאכין דעם עגל פון גאלד . מענטשין זאגין אמשל אלייב ברומט ניט אז ער האט גאר שטרוי צו עסין . ווען דען ברומט ער אונ איז ווילד אז ער האט פלייש צו עסין. רבי אושעיא זאגט ביז ירבעם זענען דיא יודין גישטראפט גיווארין נאר פאר איין עגל . אונ פון ירבעם אונ ווייטער ווערין שוין דיא יודין גישטראפט פאר דרייא עגלים .

מעגל אחד מכאן ואילך משנים וג' עגלים א"ר יצחק אין לך כל פורענות ופורענות שבאה לעולם שאין בה אחד מכ"ד בהכרע ליטרא של עגל הראשון שנאמר (שמות לב) וביום פקדי ופקדתי עליהם חטאתם. א"ר חנינא לאחר כ"ד דורות נגבה פסוק זה שנאמר (יחזקאל ט) ויקרא באזני קול גדול לאמר קרבו פקודות העיר ואיש כלי משחתו בידו (מ"א יג) אחר הדבר הזה לא שב ירבעם מדרכו הרעה וגו' מאי אחר אמר (רבא) [ר' אבא] אחר שתפשו הקב"ה לירבעם בבגדו א"ל חזור בך ואני ואתה ובן ישי נטייל בג"ע א"ל ומי בראש א"ל בן ישי בראש אמר אי הכי לא בעינא:

סט רבי אבהו הוה רגיל דהוה קא דריש בשלשה מלכים חלש קביל עליה דלא דריש כיון (ע"ב) דאיתפח הדר קא דריש אמרו ליה לא קבילת עליך דלא דרשת בהו אמר אינהו מי אהדרו בהו דאנא אהדר בי רב אשי אוקים אג' מלכים אמר למחר

של המדבר ולפי מ"ש בספרים ב' וג' עגלים ניפא כלומר מב' שעשה ירבעם והשלישי שנעשה במדבר והשתא הייתו שלישי כמו ג' שמה נפלאו ממני וד' לא ידעתים: אחד מכ"ד בהכרע ליטרא. לאו דוקא אלא כלומר דבר מועט כמה שכף המשקל מטה לצד זה יותר מצד זה בב"ב מפרש כמה הוי הכרע ליטרא: אחר כ"ד דורות. למעשה העגל: נגבה פסוק זה. דכתיב בעגל וביום פקדי והכא בימי צדקיה כשחרב בה"מ כתיב קרבו פקודות העיר קרבו אותו מעשה שנאמר וביום פקדי וממעשה העגל עד צדקיה כ"ד דורות דבימי נחשון נעשה העגל לא וחשוב כמה דורות מנחשון ועד צדקיה נחשון שלמון בנו בועז בנו עובד בנו ישי בנו דוד בנו שלמה בנו רחבעם בנו אביה בנו אסא בנו יהושפט בנו יורם בנו אחזיה בנו יואש בנו אמציה בנו עוזיה בנו יותם בנו אחז בנו חזקיה בנו מנשה בנו אמון בנו יאשיה בנו יהואחז ויהויקים בניו ומלכו זה אחר זה ודור אחד הם יהויכין בנו של יהויקים הרי כ"ד יהויכין לא הייה מלכותו שהוגלה לבבל עם החרש והמסגר והמליכו צדקיהו דודו במקומו והילכך לא קא חשיב צדקיהו דור באפי נפשיה דהוא מלך בדור כ"ד:
דהוה דריש בשלשה מלכים. דהוה קאי במתניתין דג' מלכים אין להם חלק: אתפח. נתרפא: אמרו לו תלמידיו לא קבלת עליך וכו': אמר אינהו מי הדרי בהו. מדרכם הרעה דאנא אהדר לי מלדרוש: אוקים אג' מלכים. אוקים הייה סך

צוויא פון ירבעם; און איינער פון דער מדבר. רבי יצחק זאגט יעדערע צרה וואס קומט אויף דער וועלט; איז אין איהר אריין געמישט אביסעל פון די זינד פון דעם ערשטען עגל. אזוי ווי מען וועגט אריבער אוואג שאל ווען מען וועגט אפונט. וויא פיל עס איז אפיר און צוואנציג חלק פון דיא אריבער גיוואוגענע. אזוי פיל איז אריין געמישט פון דיא זינד פון עגל אין יעדער צרה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אין דעם טאג וואס איך וועל גידיינקען וועל איך גידיינקען אויף זייא דיא זינד פון עגל אויך; רבי חנינא זאגט אז עס איז אריבער גיגאנגען פיר און צוואנציג דורות נאך דיא זינד פון ערשטין עגל האט גאט אויף גימאנט דעם פסוק צו דער מאנען דיא זינד פון עגל און צו שטראפין דיא יודין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער האט גירופין אין מיינע אויערין מיט אגרויסע שטימע און האט גיזאגט קרבו פקודות העיר ועס זאל גינענען די דער מאנונג פון עגל אויף די שטאט) באלד זענען גיקומען מענטשין און יעדער האט גיהאלטין דיא כלים פון פאר דארבונג אין זיין האנט. צו פאר דארבין דיא שטאט.

עס שטייט אין פסוק נאך דיא זאך האט זיך ירבעם ניט צוריק גיקערט פון זיין שלעכטען וועג. נאך וועלכע זאך. רבי אבא זאגט דער נאך וויא גאט האט אנגינומען ירבעם ביא זיין קלייד און האט גיזאגט צו איהם האב חרטה אויף דיינע עבירות. און איך און דוא און דער זוהן פון ישי (דוד המלך) וועלין מיר גיין שפאצירען אין גן עדן. האט ירבעם גיזאגט צו גאט ווער וועט גיין צום ערשטין; האט גאט גיזאגט דער זוהן פון ישי (דוד המלך) וועט גיין צום ערשטין. האט ירבעם גיזאגט אויב אזוי וויל איך ניט:

סט רבי אבהו איז גיוועזען גיוואהנט צו דרשענן פון דיא דרייא מלכים וואס שטייט אין דער משנה אז זייא האבען ניט קיין חלק צו עולם הבא. אמאהל איז רבי אבהו קראנק גיווארין האט ער אויף זיך גינומען ער זאל שוין מער ניט דרשענן פון זייא. וויא ער איז גיזונד גיווארין הט ער ווייטער גידרשעט פון דיא דרייא מלכים. האבען דיא תלמידים גזאגט צו רבי אבהו דו האסט דאך אויף דיר גינומען דוא זאלסט ניט מער דרשענן פון זייא. הט רבי אבהו גזאגט האבען דען דיא דרייא מלכים שוין חרטה גיהאט פון זייערע שלעכטע מעשים און האבען תשובה גיטאהן. וואס איך זאל אויף הערין צוא דרשענן פון זייא. רב אשי האט אמאהל גזאגט אדרשה איז ער

למחר נפתח בחברין אתא מנשה איתחזי ליה בחלמיה אמר הברך וחברי דאבוך קרית לן מהיכא בעית למישרא המוציא א"ל לא ידענא א"ל מהיכא דבעי' למישרא המוציא לא גמירת וחברך קרית לן אמר ליה אגמרן לי (מיהא) ולמחר דרשינן ליה משמך בפירקא א"ל מהיכא דקרים בישולא א"ל מאחר דחכימת כולי האי מאי טעמא קא פלחיתו לע"ז אמר ליה אי הות התם הוית נקיט בשיפולי גלימא (בשינך) ורהטת אבתראה. למחר אמר להו לרבנן נפתח ברבוותא אחאב אח לשמים ואב לע"ז אח לשמים דכתיב (משלי יז) אח לצרה יולד אב לע"ז דכתיב (תהלים קג) כרחם אב על בנים. (מ"א טז) ויהי הנקל לכתו בחטאת ירבעם בן נבט א"ר יוחנן קלות שעשה אחאב כחמורות שעשה ירבעם ומפני מה תלה הכתוב בירבעם מפני שהוא היה תחלה לקלקלה (הושע יג)

גם

פירקא עד שהגיע לג' מלכים: אמר למחר נפתח בחברין. מדוע בחברינו שהיו ת"ח כמותנו ואין להם חלק לעתיד: א"ל. מנשה: בחלום חברך וחברי דאבוך אלא כלומר וכי סבור אתה שהייה חברך וחברי דאבוך: מהיכא בעית למישרא המוציא (א"ל איני יודע. בדבר זה) אינך יודע מאיזה מקום בפת אתה צריך לבצוע כשמוציא: וחברך קרית לן. ואתה קורא אותנו חבריך: מהיכא דקרים בשולא. דריפתא ממקום שנקרמין פנים של פת בתנור דהיינו מלמעלה או מסביבות הפת או מצוליו אבל באמצע לא שאם כשהוא לפניו פרוסה של לחם לא יבא בוצע ומברך אלא מצולי הפת ולא מאמצעיתו. ל"א מהיכא דקדים כלומר מהיכא שמקדים לאפות והיינו כך. ל"א מהיכא דגמר בשולא ממקום שהלחם אפוי [יפה] ולא מאותו מקום שקורין בסי"ל ובלשון מלה: הוית נקט שיפולי גלימך. היית מגביה שפת חלוקך מבין רגליך כדי שהא קל לרוץ והיית רץ לשם מפני יצר ע"ז שהיה שולט: נפתח ברבוותא. [נתחיל] לדרוש ברבותינו ולא אמר בחברים: אח לשמים. רע לשמים כדאמרינן באחשורוש אח לצרה: דכתיב אח לצרה. ווי לצרה אלמא אח לשון רעה ווי: לע"ז. שהיה אוהבה ביותר: דכתיב כרחם אב. אלמא אב מרחם. הני קראי בכדי נקיט להו: ויהי הנקל. באחאב כתיב כלומר קלות היו לאחאב כל חטאיו של ירבעם: מפני מה תלה הכתוב בירבעם. דבכמה מקומות כתיב לא סר מכל חטאת ירבעם ולא כתיב אחאב אע"פ שהיה רשע ממנו: תחלה לקלקלה. שהיה מלך ראשון שהקדיח את תבשילו:

גם

געבליבען שטיין אונ האט אוים גילאזט דיא דרשה ביא דיא משנה וואס שמועסט פון די דריי מלכים. האט רב אשי גזאגט מארגין וועלין מיר אנהייבין שמועסין פון אונזערע חברים ופון דיא דרייא מלכים וואס זענען גיוועזן תלמידי חכמים אזוי וויא מיר זענען אונ זייא האבען ניט קיין עולם הבא). ביא נאכט איז דער מלך מנשה גיקומען אין חלום צו רב אשי אונ האט גזאגט צוא איהם דוא האסט אונז גערופין אז מיר זענען דיינע חברים אונ דיא חברים פון דיין פאטער. זאג מיר דעם דין אז מען עסט ברויט פון וועלכער זייט דארף מען אנהייבין עסין ווען מען מאכט המוציא. האט רב אשי גזאגט איך וויים ניט. האט מנשה גזאגט צו רב אשי. פון וועלכער זייט מען דארף אנהייבין עסין דעם ברויט ווען מען מאכט המוציא. האסטו ניט גילערנט. רופסטו אונז מיר זענען דיינע חברים. האט רב אשי גזאגט צו מנשה לערין מיט מיר דעם דין. אונ מארגין וועל איך זאגין דעם דין אין דער דרשה אויף דיין נאמען. האט מנשה גזאגט מען זאל אנהייבין עסין פון דעם ארט וואו עס איז בעסער אוים גיבאקין. האט רב אשי גזאגט צו מנשה אז דוא ביסט יא אזוי קלוג. אונ דוא קענסט אזוי גוט לערנען. פאר וואס האט איר געדינט צוא דיא עבודה זרה. האט מנשה גזאגט צו רב אשי ווען דוא וואלסט דארט גיוועזן אין אונזער צייט וואלסטו אויף גיהויבען דיינע עקין קליידער וויינע פאלעס אונ וואלסט גילאפען נאך די עבודה זרה צו דינען איר. אויף מארגין ווען רב אשי האט אנגיהויבין צוא זאגין דיא דרשה האט ער גזאגט צו דיא רבנן מיר וועלין אנהייבין צו דרשנן פון אונזערע רבנים ופון ירבעם אונ אחאב אונ מנשה). איינעם האט מען גירופען אחאב. ווייל אחאב איז צוויי ווערטער אח אב. ער איז גיוועזן אח לשמים. שלעכט צו גאט. אונ אב לעבודה זרה. אונ אפריינד צו דיא עבודה זרה. פון וואנען ווייסען מיר אז אח איז דער טייטש שלעכט. ווארום עס שטייט אין פסוק אח לצרה יולד. ווי צו דיא צרה וואס ווערט גיבארין. אונ פון וואנען ווייסען מיר אז אב איז דער טייטש אפריינד. ווארום עס שטייט אין פסוק כרחם אב על בנים. אזוי וויא א פאטער איז אפריינד צו זיינע קינדער אונ האט אויף זייא רחמנות. עס שטייט אין פסוק דם גרינגסטע איז גיוועזן ביי אחאב צו גיין אין דיא זינד פון ירבעם בן נבט. רבי יוחנן זאגט דיא גרינגע עבירות וואס אחאב האט גיטאהן זענען גיוועזן וויא דיא שווערע עבירות וואס ירבעם האט

נם מזבחותם כגלים על תלמי שדי א"ר יוחנן אין לך כל תלם ותלם בא"י שלא העמיד אחאב עליו ע"ז והשתחוה לה:

ע ומנא לן דלא אתי לעלמא דאתי דכתיב (מ"א כא) והכרתי לאחאב משתין בקיר ועצור ועזוב בישראל עצור בעה"ז ועזוב לעוה"ב. א"ר יוחנן מפני מה זכה עמרי למלכות מפני שהוסיף כרך אחד בא"י שנאמר (שם טז) ויקן את ההר שומרון מאת שמר בככרים כסף ויבן את ההר ויקרא את שם העיר אשר בנה על שם שמר אדני ההר שומרון. א"ר יוחנן מפני מה זכה אחאב למלכות כ"ב שנה מפני שכיבד את התורה שניתנה בכ"ב אותיות שנאמר (שם כ) וישלח מלאכים אל אחאב מלך ישראל העירה ויאמר לו כה אמר בן הדד כספך וזהבך לי הוא ונשיך ובניך הטובים לי הם גו' כי אם כעת מחר אשלח את עבדי אליך וחפשו את ביתך ואת בתי עבדיך והיה כל מחמד עיניך ישימו בידם ולקחו וגו' ויאמר למלאכי בן הדד אמרו לאדני המלך כל אשר שלחת אל עבדך בראשונה אעשה והדבר הזה לא אוכל לעשות. מאי מחמד עיניך לאו ספר תורה. ודילמא ע"ז לא ס"ד דכתיב ויאמרו

גם מזבחותם. ככי ריטיה דקרא כגלגל שוריט יזבחו גם מזבחותם כגלים על תלמי שדי: משתין בקיר. ת"ח משים לקירות לבו. ומפני שכיבד את התורה דכתיב: והיה כל מחמד עיניך ישימו בידם. והיינו ספר תורה ועל זו השיבו את הדבר הזה לא אוכל לעשות: ודילמא. מחמד עיניו היינו ע"ז: לא ס"ד. מדקאמרי ליה זקנים אל תשמע ולא תאבה ואי ע"ז מי הוו אמרי ליה

געטאהן. ווארום אחאב איז געוועזן אגרעסערער רשע וויא ירבעם; נאר פאר וואס איינגט אן דער פסוק דיא עבירות אויף ירבעם גיט אויף אחאב. ווייל ירבעם איז געוועזן דער ערשטער וואס האט אן געהויבען צו טאהן דיא עבירות. עס שטייט אין פסוק זייערע מזבחות זענען געוועזן וויא די בערג אויף די בייטען (זאנגען) פון דיא פעלדער. רבי יוחנן זאגט עס איז ניט געוועזן איין בייט (זאנגען) אין ארץ ישראל וואס אחאב הט אויף אים ניט געשטעלט קיין עבודה זרה אונ הט זיך געבוקט צו איר:

ע ומנא. אונ פון וואנען ווייסען מיר אז אחאב וועט ניט האבען עולם הבא. ווארום עס שטייט אין פסוק איך וועל פאר שניידען צו אחאב משתין בקיר דאס מיינט מען א תלמיד חכם. ועצור ועזוב בישראל. עצור מיינט מען געהאלטען אויף דער וועלט. אונ עזוב מיינט מען אויף געהאלטען צו עולם הבא. רבי יוחנן זאגט פאר וואס האט עמרי זוכה געוועזן צו זיין א מלך. ווייל ער האט געמערט א שטאט אין ארץ ישראל: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עמרי האט געקויפט דעם בארג שומרון פון שמר פאר צוויא צענטנער זילבער אונ ער האט געבאהט א שטאט אויף דעם בארג אונ ער האט גערופען דעם נאמען פון דיא שטאט וואס ער האט געבאהט שומרון אויף דעם נאמען פון שמר וואס ער איז געוועזן דער האר פון דעם בארג: רבי יוחנן זאגט פאר וואס האט זוכה געוועזן אחאב צו זיין א מלך צוויי אונ צוואנציג יאהר. ווייל ער האט געגעבין כבוד צו דיא תורה וואס זיא איז געגעבין געווארין מיט צווייא אונ צוואנציג אותיות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער מלך פון ארם האט געשיקט שלוחים צו אחאב דעם מלך ישראל אין שטאט אריין אונ ער האט גזאגט צו אים אזוי האט גזאגט בן הדד דיינע זילבער אונ דיינע גאלד געהער צו מיר אונ דיינע ווייבער אונ דיינע קינדער דיא גוטע געהערין צו מיר דער נאך האט דער מלך ארם נאך אמאהל געשיקט צוא אחאב מארגין אין דער צייט וועל איך שיקען מיינע קנעכט צו דיר אונ זייא וועלין זוכען וואס עס געפינט זיך אין דיין שטוב אונ אין דיא שטובין פון דיינע קנעכט אונ אלע גלוסטיגקייט פון דיינע אויגען וועלין זייא נעמען אונ וועלין אוועק גיין. האט אחאב געזאגט צו דיא שלוחים פון בן הדד זאגט צו מיין האר דער מלך פון ארץ וואס דוא האסט געשיקט צו דיין קנעכט צום ערשטין מאהל. וועל איך טאהן נאך וועל דיר אוועק געבין מיין גאלד אונ זילבער ווייבער אונ קינדער. אונ די זאך וואס דו האסט איצט געשיקט איך זאל דיר אוועק געבין די גלוסטיגקייט פון מיינע אויגען

(שם) ויאמרו אליו כל הזקנים וכל העם אל תשמע ולוא תאבה ודילמא סבי דבהתא הוו מי לא כתיב (ש"ב יז) ויישר הדבר בעיני אבשלום ובעיני כל זקני ישראל ואמר רב יוסף סבי דבהתא התם לא כתיב וכל העם הכא כתיב וכל העם דאי אפשר דלא הוו בהון צדיקי דכתיב (מ"א יט) והשארתי בישראל שבעת אלפים כל הברכים אשר לא כרעו לבעל וכל הפה אשר לא נשק לו:

פי׳: סבי דבהתא. זקנים שפלים שהיו רשעים כמו במ"ב: באבשלום דקרי להו לסבי דבהתא זקנים: שקול היה עונות ומהנה זכיות מדמהדרי כולי האי מי יפתה את אחאב משמע דנקוטי גדול

עא אמר רב נחמן אחאב שקול היה שנאמר (מ"א כב) ויאמר ה׳ מי יפתה את אחאב ויעל ויפול ברמות גלעד ויאמר זה בכה וזה אומר בכה מתקיף לה רב יוסף מאן דכתיב ביה (שם כא) רק לא היה כאחאב אשר התמכר לעשות הרע בעיני ה׳ אשר הסתה אותו איזבל אשתו ותנינא בכל יום ויום איזבל היתה שוקלת שקלי זהב לע"ז ואת אמרת אחאב שקול היה אלא אחאב ותרן בממונו היה ומתוך שהיה מהנה ת"ח מנכסיו כפרו מחצה. (שם כא) ויצא הרוח ויעמוד לפני ה׳ ויאמר אני אפתנו ויאמר ה׳ אליו במה ויאמר

דָם קֶען אִיךְ נִיט טָאהן · וָואס הָאט אַחְאָב גִימֵיינְט דִיא גְלוּסְטִיגְקֵייט פוּן זַיינֶע אוֹיגֶען גֶעווּים דִיא סֵפֶר תּוֹרָה . פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא טָאמֶער הָאט עֶר גִימֵיינְט דִיא עֲבוֹדָה זָרָה . זָאגְט דִי גְמָרָא עֶס קֶען נִיט זַיין . וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַלֶע זְקֵנִים אוּנ דָאס גַאנְצֶע פָאלְק הָאבֶּען גִזָאגְט צוּ אַחְאָב דוּא זָאלְסְט נִיט הֶערִין אוּנ זָאלְסְט נִיט וֶועלִין גֶעבִּין דִיא גְלוּסְטִיגְקֵייט פוּן דַיינֶע אוֹיגֶען · אַז דָאס וָואלְט מֶען גִימֵיינְט עֲבוֹדָה זָרָה · וָואלְט דָאךְ דָאס נִיט גִיוֶועזֶן טַייֶער בַּיי דִיא זְקֵנִים . פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא טָאמֶער מֵיינְט מֶען זְקֵנִים רְשָׁעִים וָואס זֵייא הָאבֶּען גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה . אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִי זַאךְ אִיז גִיפֶעלִין גִיוָוארִין אִין דִיא אוֹיגֶען פוּן אַבְשָׁלוֹם אוּנ אִין דִיא אוֹיגֶען פוּן אַלֶע אַלְטֶע יוּדִין · אוּנ דִיא עֵצָה אִיז גִיוֶועזֶן פוּן רְשָׁעוֹת פוּן הֶעסְטוֶועגִין אִיז זֵיי גִיפֶעלִין · וָוארוּם רַב יוֹסֵף הָט גִזָאגְט דִי זְקֵנִים זֶענֶען אוֹיךְ גִיוֶוען רְשָׁעִים . עֶנְפֶערְט דִי גְמָרָא דָארְט בַּיי אַבְשָׁלוֹם שְׁטֵייט נִיט אַז דִי גַאנְצֶע פָאלְק אִיז דָם גִיפֶעלִין . נָאר צוּא דִיא זְקֵנִים אִיז גִיפֶעלִין . וַוייל דִי זְקֵנִים זֶענֶען גִיוֶוען רְשָׁעִים . אָבֶּער דָא שְׁטֵייט דִי גַאנְצֶע פָאלְק הָאבֶּען גִזָאגְט צוּ אַחְאָב עֶר זָאל נִיט גֶעבִּין דִיא גְלוּסְטִיגְקֵייט פוּן זַיינֶע אוֹיגֶען · אִין דֶעם גַאנְצִין פָאלְק זֶענֶען דָאךְ גֶעווּים גִיוֶוען צַדִיקִים אוֹיךְ · אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִיךְ וֶועל אִיבֶּער לָאזִין בַּייא יוּדִין זִיבֶּען טוֹיזֶענְד מֶענְטְשִׁין דִי אַלֶע קְנִיא וָואס הָאבֶּען נִיט גֶעקְנִיט צוּ דִיא עֲבוֹדָה זָרָה אוּנ דִיא אַלֶע מַיילֶער וָואס הָאבֶּען נִיט גִיקוּשְׁט צוּא דִיא עֲבוֹדָה זָרָה . אוּנ דִיא פְרוּמֶע וָואלְטִין דָאךְ נִיט גִיזָאגְט צוּא אַחְאָב עֶר זָאל נִיט אַוֶועק גֶעבִּין דִיא עֲבוֹדָה זָרָה . נָאר גֶעווּים מֵיינְט מֶען דָאס דִיא סֵפֶר תּוֹרָה . זֶעהְן מִיר אַז דִיא סֵפֶר תּוֹרָה אִיז גִיוֶוען בַּיי אַחְאָב דִיא גְלוּסְטִיגְקֵייט פוּן זַיינֶע אוֹיגֶען:

עא אָמַר · רַב נַחְמָן הָאט גִזָאגְט אַחְאָב אִיז גִיוֶוען גְלַייךְ · עֶר הָאט גִיהָאט הֶעלְפְט מִצְוֹת אוּנ הֶעלְפְט עֲבֵירוֹת · אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט הָאט גִיזָאגְט וֶוער וֶועט גֵיין אָן רֵיידִין דֶעם מֶלֶךְ אַחְאָב עֶר זָאל גֵיין מִלְחָמָה הַאלְטִין אוּנ עֶר זָאל פַאלִין אִין רָמוֹת גִלְעָד . דֶער הָאט אַזוֹי גִיזָאגְט אוּנ דֶער הָאט אַזוֹי גִיזָאגְט . וַוייל מֶען הָאט אַרוּם אִיהם אַזוֹי פִיל גִיקְלֶערְט . וִויא אַזוֹי מֶען זָאל אִיהם הַרְגֶנֶן . אִיז אַסִימָן אַז עֶר אִיז נָאךְ נִיט גִיוֶועזֶן אַגַאנְצֶער רָשָׁע . הָאט רַב יוֹסֵף גִיפְרֶעגְט דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אוֹיף אִיהם זָאגְט דֶער פָּסוּק עֶס אִיז נִיט גִיוֶועזֶן אַזוֹי וִויא אַחְאָב וָואס עֶר הָאט זִיךְ פַאר קוֹיפְט צוּ טָאהן דִיא זַאכִין וָואס אִיז שְׁלֶעכְט אִין דִיא אוֹיגִין פוּן גָאט וָואס זַיין וַוייב אִיזֶבֶל הָאט אִיהם אָן גִירֶעט . אוּנ מִיר הָאבִּין גִילֶערוּנְט אַלֶע טָאג פְלֶעגְט אִיזֶבֶל וֶועגִין פוּנְטֶען גָאלְד צוּ דִיא עֲבוֹדָה זָרָה . זָאגְסְטוּ אַז אַחְאָב אִיז גִיוֶועזֶן גְלַייךְ אוֹיף גְלַייךְ . הֶעלְפְט מִצְוֹת אוּנ הֶעלְפְט עֲבֵירוֹת . נָאר אַחְאָב אִיז גִיוֶועזֶן אַגוּטֶער מֶענְטְשׁ אוּנ עֶר פְלֶעגְט פַארשֵׁיינְקֶען זַיין גֶעלְט אוּנ ווייל עֶר פְלֶעגְט שֵׁיינְקֶען פוּן זַיין גֶעלְט צוּ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים . דְרִיבֶּער הָאט מֶען אִים

ויאמר אצא והייתי רוח שקר בפי כל נביאיו ויאמר תפתה וגם תוכל צא ועשה כן. מאי רוח אמר ר' יוחנן רוחו של נבות היזרעאלי. מאי צא אמר רבינא (א"ל הקב"ה) צא ממחיצתי שכן כתוב (תהלים קא) דובר שקרים לא יכון לנגד עיני א"ר פפא היינו דאמרי אינשי דפרע קיניה מחריב ביתיה (מ"א יז) ויעש אחאב את האשרה ויוסף אחאב לעשות להכעים את ה' אלהי ישראל מכל מלכי ישראל אשר היו לפניו א"ר יוחנן שכתב על דלתות שומרון אחאב כפר בה' אלהי ישראל לפיכך אין לו חלק באלהי ישראל (דה"ב כב) ויבקש את אחזיהו וילכדוהו והוא מתחבא בשומרון א"ר לוי שהיה קודר אזכרות וכותב ע"ז תחתיהן:

נעשה: רוחו של נבות. שלפי שהוא הרגו היה רוחו מחזר לפתותו ולהפילו: דפרע קיניה. דפורע קנאה נוקם חמתו וקנאתו: מחריב ביתיה. ברוחו של נבות שנקם כעסו מאחאב ויצא ממחיצה של הקב"ה: קודר אזכרות. מוחק שמות שבתורה: וכותב שם ע"ז תחתיהן. לפיכך היה מתחבא שאילו היה עושה בפרהסיא לא היו מניחין לעשות כן. קודר כמו מקדרין בהרים לשון (נוקב) מחטט ונוקר: שנשה יה. ששכח הקב"ה. שהנשיא. השכיח: מה אחאב אין לו חלק. כדאמרן עזוב לעולם

עב מנשה שנשה יה דבר אחר מנשה שהנשיא את ישראל לאביהם שבשמים ושנא דלא אתי לעלמא דאתי דכתיב (מ"ב כא) בן שתים עשרה שנה מנשה במלכו וחמשים וחמש שנה מלך בירושלים גו' ויעש אשרה כאשר עשה אחאב מלך ישראל מה אחאב אין לו חלק לעה"ב אף מנשה אין לו חלק לעוה"ב.

רבי

מוחל גיוועו העלפט עבירות. ווען גאט האט גיפרעגט ווער וועט אן רעדין דעם מלך אחאב ער זאל גיין אונ פאלין אין דער מלחמה. איז ארויס גיגאנגען א נשמה אונ האט זיך גישטעלט פאר גאט אונ האט גיזאגט איך וועל איהם אן רעדין. האט גאט גיזאגט צו די נשמה מיט וואס וועסטו איהם אן רעדין. האט דיא נשמה גיזאגט איך וועל ארויס גיין אונ וועל זיין א פאלשע נביאות אין דיא מויל פון זיינע אלע נביאים. האט גאט גיזאגט צו דיא נשמה רייד איהם אן אונ דוא וועסט קענען איהם איבער רעדין גייא ארויס אונ טוה אזוי. וועלכעס נשמה איז דאס גיוועו. רבי יוחנן זאגט דאס איז גיוועו דיא נשמה פון נבות היזרעאלי וואס אחאב האט איהם גיהרגעט. פאר וואס האט מען גיזאגט צו דיא נשמה גייא ארויס. רבינא זאגט גאט האט גיזאגט צו דיא נשמה גיי ארויס פון מיין ארט. ווארום אזוי שטייט אין פסוק דער וואס רעט פאלשקייט זאל ניט זיין אנגיבערייט פאר מיינע אויגין: רב פפא זאגט דאס איז וואס מענטשין זאגין דער וואס גייט טאהן א נקמה אן זיין חבר. מאכט ער וויסט זיין שטוב. נבות איז גיגאנגען טאהן א נקמה אין אחאב. האט ער גימוזט אוועק גיין פון זיין ארט. עס שטייט אין פסוק אחאב האט גימאכט אלינדען בוים אונ אחאב האט נאך גימערט צו טאהן צו דער צערענען גאט מער פון אלע יודישע מלכים וואס זענען גיוועזן פאר איהם. רבי יוחנן זאגט ער האט געשריבען אויף דיא טירען פון שומרון אחאב האט גילייקענט אין דעם יודישען גאט. דריבער האט ער ניט קיין חלק אין גאט. עס שטייט אין פסוק מען האט גיזוכט ווא אחזיהו איז אונ מען האט איהם בצוואונגען ער איז גיוועזן בעהאלטין אין שומרון. רבי לוי זאגט אחזיהו האט אויס גימעקט דיא שמות פון די ספר תורה. אונ ער האט אויף דעם ארט געשריבען די נעמען פון די עבודה זרה. דריבער איז ער גיוועזן בעהאלטין קיין מענטשין זאלין ניט וויסען וואס ער האט גיטאהן אין די ספרי תורות:

עב מנשה האט ער גיהייסין ווייל ער האט פאר געסין גאט. אדער ער האט גיהייסין מנשה ווייל ער האט גימאכט דיא יודין זאלין פאר געסין גאט. אונ פון וואגען ווייסין מיר אז מנשה וועט ניט האבין עולם הבא. ווארום עס שטייט אין פסוק צוועלף יאהר איז מנשה אלט גיוועזן ווען ער איז גיווארין א מלך: אונ פינף אונ פופציג יאהר איז ער גיוועזן א מלך אין ירושלים אונ ער האט געמאכט אלינדען בוים אזוי וויא אחאב דער מלך פון ישראל האט גימאכט. אזוי ווי אחאב האט ניט קיין חלק עולם הבא. אזוי מנשה האט אויך ניט קיין חלק עולם הבא.

הכא: וכמיהם. רבי יהודה דאמר יש לו חלק ורבנן דאמרי אין לו חלק: בגלל מנשה שלא עשה תשובה. ומשיבין כולם אחריו: כאשר עשה אחאב. דמשמע כשיעור השנים שהטה אחאב במלכו חטא מנשה והיינו עשרים ושתים שנה שהטה נגד כ"ב שנה שמלך אחאב: פשו להו ל"ג. שעשה תשובה: וישמע אליו ויעתר לו. ומכתוב כתיב ויעתר לו כך שמעתי: מדת הדין. שהיתה מעכבת שלא לקבל פני מנשה בתשובה ועשה הקב"ה

(פיסקא) רבי יהודה אומר מנשה יש לו חלק לעולם הבא שנאמר (דה"ב לג) ויתפלל אליו ויעתר לו וישמע תחנתו וישיבהו ירושלים למלכותו. אמרו לו למלכותו השיבו ולא לעולם הבא השיבו. א"ר יוחנן ושניהם מקרא אחד דרשו שנא' (ירמיה טו) ונתתים לזועה לכל ממלכות הארץ בגלל מנשה בן יחזקיהו מר סבר בגלל מנשה שעשה תשובה ואינהו לא עבוד ומ"ס (דף קג) בגלל מנשה דלא עבד תשובה. א"ר יוחנן כל האומר מנשה אין לו חלק לעולם הבא מרפה ידיהם של בעלי תשובה דתני תנא קמיה דרבי יוחנן מנשה עשה תשובה ל"ג שנים דכתיב בן שתים עשרה שנה מנשה במלכו וחמשים וחמש שנה מלך בירושלים וכתיב (מ"ב כא) ויעש אשרה כאשר עשה אחאב וגו' כמה מלך אחאב עשרים ותרתין שנין מנשה כמה מלך נ"ה דל מינייהו כ"ב פשו להו ל"ג. א"ר יוחנן משום רשב"י מאי דכתיב ויתפלל אליו ויחתר „) לו ויעתר לו מיבעי ליה מלמד שעשה לו הקב"ה כמין מחתרת

„) בספרים שלנו כתיב ויעתר

רבי יהודה זאגט מנשה האט יא חלק עולם הבא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מנשה האט געבעטין צו גאט אונ גאט איז איבער געבעטין געווארין צו איהם אונ ער האט געהערט זיין געבעט אונ ער האט איהם צוריק גיקערט אין ירושלים צו זיין מלוכה: האבין דיא חכמים גיזאגט צו רבי יהודה צו זיין מלוכה האט איהם גאט צוריק גיקערט. אבער צו עולם הבא האט איהם גאט ניט צוריק גיקערט. רבי יוחנן זאגט ביידע ורבי יהודה וואס ער זאגט אז מנשה האט יא עולם הבא: אונ דיא רבנן וואס זאגין אז מנשה האט ניט עולם הבא] דרשנן איין פסוק. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט הט גיזאגט איך וועל געבין די יודין צו אציטערניש צו אלע קיניגרייכין פון דער וועלט פון וועגין מנשה בן יחזקיהו. רבי יהודה זאגט דער פסוק מיינט פון וועגין מנשה וואס ער האט גיטאהן תשובה. אונ דיא יודין האבין זיך ניט אפ גילערונט פון איהם אונ זייא האבין ניט גיטאהן תשובה: דריבער וועל איך זייא שטראפין. אונ דיא רבנן זאגין פון וועגין מנשה וואס ער אליין האט אויך ניט גיטאהן תשובה אונ ער האט מיט גיצויגין אלע יודין צו זיינע עבירות. רבי יוחנן זאגט דער וואס זאגט אז מנשה האט ניט קיין חלק עולם הבא מאכט ער שוואך דיא מענטשין פון צוא טאהן תשובה: ווארום זייא וועלין זאגין מיר זעהן אז תשובה העלפט ניט. ווארום מנשה האט אויך תשובה גיטאהן פון דעסטוועגין האט ער ניט קיין עולם הבא. ווארום אתנא האט גילערונט פאר רבי יוחנן מנשה האט גיטאהן תשובה דרייא אונ דרייסיג יאהר. ווארום עס שטייט אין פסוק צוועלף יאהר איז מנשה אלט גיוועזן ווען ער איז גיווארין אמלך. אונ פינף אונ פופציג יאהר איז ער גיוועזן אמלך אין ירושלים. אונ עס שטייט אין פסוק מנשה האט גימאכט אלינדען בוים אזוי וויא אחאב האט גימאכט ודער פסוק מיינט אזוי פיל יאהרין וויא אחאב האט געדינט עבודה זרה. האט מנשה אויך געדינט עבודה זרה. אחאב איז גיוועזן אמלך צוויי אונ צוואנציג יאהר [האט ער געדינט עבודה זרה צוויי אונ צוואנציג יאהר · האט מנשה אויך געדינט עבודה זרה צווייא אונ צוואנציג יאהר]: אונ מנשה איז גיוועזן אמלך פינף אונ פופציג יאהר · אראפ גענומען צווייא אונ צוואנציג יאהר וואס ער האט געדינט עבודה זרה. בלייבט נאך דרייא אונ דרייסיג יאהר וואס ער האט גיטאהן תשובה. רבי יוחנן האט גיזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין עס שטייט אין פסוק מנשה האט גיבעטין צו גאט. ויחתר לו. האט דאך גידארפט שטיין ויעתר לו. גאט איז איבער גיבעטין גיווארין צו איהם. ויחתר איז דאך דער טייטש גראבין. נאר דער פסוק לערונט אונז אז גאט הט אוסגבראבן אין הימעל אזוי וויא אפענסטער. אונ דורך דעם פענסטער הט גאט צו גינומען דיא תשובה פון מנשה: ווייל דער מדת הדין האט ניט גילאזין צוא נעמען דיא תשובה פון מנשה. דריבער האט גאט

מחתרת ברקיע כדי לקבלו בתשובה (והטמינו) מפני מדת הדין :

עג ואמר ר' יוחנן משום ר' שמעון בן יוחאי מאי דכתיב (ירמיה כו) בראשית ממלכת יהויקים בן יאשיהו וכתיב (שם כח) בראשית ממלכת צדקיהו וכי עד האידנא לא הוו מלכי אלא ביקש הקב"ה להחזיר את כל העולם כולו לתוהו ובוהו בשביל יהויקים כיון שנסתכל בדורו נתקררה דעתו וביקש הקב"ה להפוך לעולם כולו לתוהו ובוהו בשביל דורו של צדקיה נסתכל בצדקיה ונתקררה דעתו . בצדקיה ומי כתיב (מ"ב כד) ויעש הרע בעיני ה' שהיה בידו למחות ולא מיחה :

עד ואמר ר' יוחנן משום רשב"י מאי דכתיב (משלי כט) איש חכם נשפט את איש אויל ורגז ושחק ואין נחת אמר הקב"ה כעסתי על אחז ונתתיו ביד מלכי דמשק זיבח וקיטר לאלהיהם שנאמר (דה"ב כח) ויזבח לאלהי דרמשק המכים בו ויאמר כי אלהי מלכי ארם הם מעזרים אותם להם אזבח ויעזרוני והם

מחתרת ברקיע ופשט ידו וקבלו בלא ידיעת מדת הדין :

ע"ד בראשית ממלכת יהויקים ובראשית ממלכת צדקיה . מאי טעמא כתיב בהני בראשית יותר מבאחריני : וכי עד האידנא לא הוו מלכי : ואי משום התחלת מלכותו קאמר הוה ליה למכתב בשנה ראשונה למלכותו אלא להכי שני קרא בדבוריה וכתב בראשית ללמדך מעשה בראשית היה בימי יהויקים שביקש הקב"ה להחזיר את עולמו לתוהו ובוהו כמו שהיו מראשית : כיון שנסתכל בדורו . של יהויקים שהיו צדיקים שעדיין לא גלו החרש והמסגר : דורו של צדקיהו . היו רשעים שהצדיקים גלו כבר עם יהויכין :

איש חכם נשפט. זהו הקב"ה שנקרא כ' איש מלחמה: אויל . אלו מלכים שבכמוך אחז והמליה : ורגז ושחק ואין נחת . בין שהוא כועס עמהם בין שהוא שוחק עמהם אין יראת מלפניו ואינם

גינומען זיין תשובה דורך אפאר בארגענעם ארט קיינער זאל ניט וויסען :

עג ואמר . נאך האט רבי יוחנן גיזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין בייא יהויקים שטייט אין פסוק בראשית ממלכת יהויקים בן יאשיהו . אונ בייא צדקיהו שטייט אין פסוק בראשית ממלכת צדקיהו . פאר וואס בייא אלע מלכים וואס זענען גיוועזן פאר יהויקים אונ צדקיהו שטייט ניט דער ווארט בראשית . אונ בייא יהויקים מיט צדקיהו שטייט יא דר ווארט בראשית . נאר גאט האט גיוואלט מאכין דיא וועלט צוריק וויסט אזוי וויא זיא איז גיוועזן אין אנהייב בשאפונג . ווייל יהויקים האט פיל געזינדיגט . וויא גאט האט גיזעהן אז דער דור פון יהויקים זענען אלע גיוועזן צדיקים . איז גאט אפ געקילט גיווארין פון זיין כעס . אונ גאט האט גיוואלט מאכין דיא וועלט צוריק וויסט אזוי וויא זיא איז גיוועזן אין אנהייב בשאפונג . ווייל דער דור פון צדקיהו זענען גיוועזן רשעים . וויא גאט האט גיזעהן צדקיהו אליין אזיער איז אצדיק . איז גאט אפ געקילט גיווארין פון זיין כעס . דריבער שטייט בייא יהויקים אונ צדקיהו דר ווארט בראשית : ווייל אין זייער צייט האט גידארפט דיא וועלט וויסט ווערין אונ זיא איז גיווארין אזוי וויא אנייע באשאפונג . פרעגט דיא גמרא בייא צדקיהו שטייט דאך אויך אין פסוק ער האט גיטאהן וואס עס איז שלעכט אין דיא אויגין פון גאט . ענטפערט דיא גמרא צדקיהו אליין איז טאקי פרום גיוועזן נאר זיין עבירה איז גיוועזן ער האט גידארפט ווערין אונ ניט לאזין אנדערע מענטשין טאהן דיא עבירות . אונ ער האט ניט גיווערט :

עד ואמר . נאך האט גיזאגט רבי יוחנן פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין עס שטייט אין פסוק איש חכם נשפט את איש אויל ורגז ושחק ואין נחת דער איש חכם דאס מיינט מען גאט . ער האט אמשפט מיט אמענטש וואס ער איז אנאר . סיי גאט צערינט אויף דעם מענטש . אונ סיי ער פרייט זיך מיט דעם מענטש . האט אלץ גאט פון איהם קיין נחת ניט] . גאט האט גיזאגט איך בין אין כעס גיוועזן אויף אחז אונ איך האב איהם גיגעבין אין דיא הענט פון דיא מלכים פון דמשק . וואס האט אחז גיטאהן ער האט גישאכטין אונ האט גיריייכערט צו זייערע גאטער . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אחז האט גישאכטין קרבנות צו דיא גאטער פון דרמשק וואס זייא האבין איהם גישלאגין . אונ ער האט גיזאגט דיא גאטער פון דיא קיניגען פון ארם זייא העלפין צו ארם . אין וועל אויך צו זייא שעכטין וועלין זייא מיר אויך העלפין . אונ דאס

והם היו לו להכשילו ולכל ישראל. שחקתי עם אמציה ונתתי מלכי אדום בידו הביא אלהיהם והשתחוה להם שנאמר (שם כה) ויהי אחרי בוא אמציה מהכות את אדומים ויבא את אלהי בני שעיר ויעמידם לו לאלהים ולפניהם ישתחוה ולהם יקטר אמר רב פפא היינו דאמרי אינשי בכי ליה למר ולא ידע אחוכי ליה למר ולא ידע ווי ליה למר דלא ידע בין טב לביש. (ירמיה לט) ויבאו כל שרי מלך בבל וישבו בשער התוך (מאי שער התוך) א"ר יוחנן משום ר"ש בן יוחאי מקום שמחתכין בו הלכות א"ר פפא היינו דאמרי אינשי באתרא דמרא (ביתא) תלה ליה זייניה תמן קולבא רעיא קולתיה תלה:

עה א"ר חסדא א"ר ירמיה בר אבא מ"ד (משלי כד) על שדה איש עצל עברתי ועל כרם אדם חסר לב והנה עלה כלו קמשונים כסו פניו חרולים וגדר אבניו נהרסה. על שדה איש עצל עברתי זה אחז. ועל כרם אדם חסר לב זה מנשה. והנה עלה

פירוש

התים לחזור למוטב: בכי ליה למר וכו'. לאו דוקא נקט מר אלא משום דהכי מילי דאינשי כשהוא חכם כשהוא רוצה להשפט ולהתוכח עמהם בין שהוא שוחק עליהם בין שהוא שוטם עמהם אינם יראים מלפניו ואינם חתים לחזור למוטב: מקום שהיו מחתכין בו. ודרשינן הלכות נהפך למוטב לגיס של שרי מלך בבל: בשער התוך. לשון תוך והיינו בהר הבית ובעזרה ששם היו יושבין סנהדרין וכדאמרינן בעלמא שלשה בתי דיינין היו שם אחד בלשכת הגזית ואחד על פתח העזרה ואחד על פתח הר הבית: קולתיה תלה. כלומר במקום שהיו חותכין בו הלכות בו דנין שרי בבל דינין שלהם: באתרא דמרא תלה זייניה. מקום שהאדון תולה כליו: קולבא רעיא. גבל רועה: קולתיה תלה. נאה כדו תלה כמו כדה דמתרגמינן קולתה. ליסנא אחרינא קודהיה מקדחו כמו מקדח של חרש:

אִיז גִיוֶוען אַשְׁטְרוֹיכְלוּנְג צוּ אָחָז אוּנ צוּ אַלֶע יוּדִין. אוּנ צוּ אֲמַצְיָה הָאבּ אִיךְ גְעוִויזֶען אַפְרֵייְלַאכִין פָּנִים. אוּנ אִיךְ הָאבּ גִיגֶעבִּין דִי מְלָכִים פוּן אֱדוֹם אִין זַיין הַאנְט. הָאט אֲמַצְיָה גִיבְּרֵיינְגְט זֵייעֶרֶע גֶאטֶער אוּנ הָאט זִיךְ גִיבּוּקְט צוּ זֵייא. אַזוֹי וְויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דֶער נָאךְ וְויא אֲמַצְיָה אִיז גִיקוּמֶען פוּן צוּ שְׁלָאגִין דִי אֱדוֹמִים הָאט עֶר גִיבְּרֵיינְגְט דִיא גֶאטֶער פוּן שֵׂעִיר אוּנ עֶר הָאט זֵייא גִישְׁטֶעלְט זֵייא זָאלִין זַיין צוּ אִיהם אַגָאט אוּנ פַאר זֵייא הָאט עֶר זִיךְ גִיבּוּקְט אוּנ צוּ זֵייא הָאט עֶר גִירֵייכֶערְט קְטוֹרֶת. רַב פָּפָּא זָאגְט דָאס אִיז וָואס מֶענְטְשִׁין זָאגִין אַז דֶער חָכָם שְׁמוּעֶסְט מִיט אַנַאר אוּנ שְׁטְרָאפְט אִיהם. סַיי דֶער חָכָם וֵויינְט פַאר אִיהם. וֶוער שְׁמוּעֶסְט מִיט אִיהם מִיט בֵּייזִין: פַארְשְׁטֵייט עֶר נִיט. אוּנ סַיי דֶער חָכָם לַאכְט פַאר אִיהם. וֶוער שְׁמוּעֶסְט מִיט אִיהם מִיט גוּטֶען) פַאר שְׁטֵייט עֶר נִיט. וַויי צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס וֵויים נִיט קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד צְווִישֶׁען גוּט אוּנ שְׁלֶעכְט. עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַלֶע שָׂרִים פוּן מֶלֶךְ בָּבֶל זֶענֶען גִיקוּמֶען אוּנ זֶענֶען גִיזֶעסִין אִין דֶעם טוֹיֶער פוּן יְרוּשָׁלַיִם וָואס עֶר הֵייסְט שַׁעַר הַתָּוֶךְ. רַבִּי יוֹחָנָן הָאט גִיזָאגְט פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִים וֶועגִין דָאס אִיז גִיוֶועזֶען דֶער טוֹיֶער פוּן דֶעם אָרְט וָואס דָארְט הָאט מֶען גִיפַּסְקֶעט דִינִים. זָאגְט אוּנְז דֶער פָּסוּק אַז דִיא שָׂרִים פוּן מֶלֶךְ בָּבֶל זֶענֶען גִיזֶעסִין אוֹיף דִיא אַלֶע הֵייליגֶע אֶרְטֶער ווּא דָארְט זֶענֶען גִיזֶעסִין דִיא סַנְהֶדְרִין אוּנ מֶען הָאט גִיפַּסְקֶעט דִינִים. אוּנ אִיצְט הָאבִּין דִיא שָׂרִים פוּן בָּבֶל דָארְט גִיפַּסְקֶעט זֵייעֶרֶע דִינִים. רַב פָּפָּא זָאגְט דָאס אִיז וָואס מֶענְטְשִׁין זָאגִין אוֹיף דֶעם אָרְט ווּא דֶער בַּעַל הַבַּיִת פוּן שְׁטוּב הֵייְנְגְט אוֹיף זַיינֶע גִיוֶוער. קוּמְט אַהִין דֶער גְרָאבֶּער מֶענְטְשׁ דֶער פַאסְטוּךְ אוּנ הֵייְנְגְט דָארְט אוֹיף זַיין טָארְבֶּע:

(איכה ג) פט פצו עליך פיהם אמר רבה א"ר יוחנן מפני מה הקדים פ"א לעי"ן בשביל מרגלים שאמרו בפיהם מה שלא ראו בעיניהם (תהלים יד) אוכלי עמי אכלו לחם ה' לא קראו אמר רבה אמר רבי יוחנן כל האוכל מלחמן של ישראל טועם טעם לחם ושאינו אוכל מלחמן של ישראל אינו טועם טעם לחם. ה' לא קראו רב אמר אלו הדיינין ושמואל אמר אלו מלמדי תינוקות:

אמר

כתיב שלא על ידי שניה: מדה יתרה. לטובה דבירושלים כתיב ידי נשים רחמניות בשלו ילדיהן היו לברות למו שהיתה מזמנת חברתה ואוכלת בנה אלמא רחמניות היו ואילו בסדום כתיב יד עני ואביון לא החזיקה ומדה זו כפרה עליהם שלא הספכו. נ"א מדה יתירה פורעניות גדולה היתה בירושלים שילדיהן היו אוכלות זו עם זו דכתיב היו לברות למו ואלו בסדום כתיב גאון שבעת לחם שלא טעמו טעם עוני הא למדת גדולה פורענות ירושלים מפורענות סדום ולא היה משוא פנים בדבר: סלה. לשון מסלה כלומר כל האבירים פסלם הקב"ה ועשאם פסולים וכבושים כמסלה זו והיינו דומיא למטבע שנפסל ואין לו תקנה:

מפני מה הקדים פ"א לעי"ן. ברוב האלפ"א בית"א שבאיכה: מפני מרגלים. שהקדימו מאמר פיהם עד שלא ראו בעין: טועם טעם לחם. מואלים עינם בלחמם של ישראל שהנאה הוא להם כשגוזלין אותם: אלו הדיינין מטה משפט בשביל שוחדיהם היה להם עמי מאכל לאויביו: מלמדי תינוקות. שעושים מלאכתם ברמיה:

גז גט פון רבי יוחנן וועגן איין גוטע מדה איז געוועזן אין ירושלים וואס אין סדום איז דאס נית געוועזן. ווארום ביי סדום שטייט דאס איז געוועזן דיא זינד פון דיין שוועסטער סדום זי איז געוועזן גרוים ביי זיך און איז געוועזן זאט מיט ברויט פון דעסטוועגן האט זיא נית געוואלט העלפן קיין ארעם מאן. און ביי ירושלים שטייט דיא הענט פון דיא רחמנותדיגע ווייבער האבען גיקאכט זייערע קינדער צום עסין. אזוי אגרויסער הונגער איז געוועזן. פון דעסטוועגן האבען זיי איין נית גיגעסין דאס פלייש פון זייערע קינדער נאר זייא האבען נאך מיט גיבעטין אנדערע ארעמע לייט צו דעם עסין. דריבער איז ירושלים נית גישטראפט געווארין אזוי שטארק וויא סדום. ער שטייט אין פסוק סלה כל אבירי ה' בקרבי דיא גמרא טייטשט דעם ווארט אבירי גליך וויא עס ווארט גישטאנען אברי: מיינע גלידער. מען האט צו טרעטין מיינע גלידער און מיין פנים און מען דער קענט מיך גאר נית פאר אמענטש. איך בין געווארין ווי אצוקלאפטע מטבע. מען זאגט אויף מיר אזוי וויא אמענטש וואס זאגט צו זיין חבר די מטבע איז קאליע געווארין:

פט פצו. אין פסוק שטייט זייא האבען גיעפונט אויף דיר זייער מויל. רבה האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגן פאר וואס שטייט דער פ"א פאר דיא עי"ן ופריער שטייען דרייא פסוקים וואס הייבין זיך אן מיט אפ"א. דער נאך שטייען דריי פסוקים וואס הייבין זיך אן מיט אעי"ן דער עי"ן דארף דאך שטיין פר די פ"א. נאר ווייל דיא מרגלים האבען גזאגט מיט זייער מויל וואס זייא האבען נית גיזעהן מיט זייערע אויגען. דריבער איז זייער שטראף אויך דער ציילט געווארין פריער מיט אפ"א (פה איז דער טייטש אמויל). דער נאך מיט אעי"ן (עין איז דער טייטש אאויג). עס שטייט אין פסוק דיא וואס עסין מיין פאלק האבען גיגעסין ברויט גאט האבען זייא נית גירופען. רבה זאגט פון רבי יוחנן וועגן דער גוי וואס עסט דעם יודינס ברויט. האט ער פאר זוכט אטעם פון ברויט. און דער גוי וואס האט נית גיגעסין דעם יודינס ברויט האט ער נית פאר זוכט אטעם פון ברויט. וואס מיינט מען גאט האבען זיי נית גירופען. רב זאגט דאס מיינט מען דיא דיינים. און שמואל זאגט דאס מיינט מען דיא מלמדים וואס לערנען מיט קליינע קינדער. אז די דיינים פסקנן פאלשע דינים. אדער די מלמדים לערנען פאלש מיט די קינדער. דם הייסט זיי רופען נית גאט. דורך די עבירה ווערין דיא יודין גישטראפט אז גוים זאלין עסין זייער ברויט:

צ אמר רב יהודה אמר רב בקשו למנות עוד אחד באתה דמות דיוקנו של אביו ונשתטחה לפניהם ולא השגיחו עליה באתה אש מן השמים ולהכה אש בספסליהם ולא השגיחו עליה יצתה בת קול ואמרה להם (משלי כב) חזית איש כהיר במלאכתו לפני מלכים יתיצב בל יתיצב לפני חשובים מי שהקדים ביתי לביתו ולא עוד אלא שביתי בנה בשבע שנים וביתו בנה בשלש עשרה לפני מלכים יתיצב בל יתיצב לפני השוכים ולא השגיחו עליה יצתה בת קול ואמרה (איוב לד) המעמך ישלמנה כי מאסת כי אתה תבחר ולא אני וגו'. דורשי רשומות היו אומרים כולם באים לעולם הבא שנאמר (תהלים ס) לי גלעד ולי מנשה ואפרים מעוז ראשי יהודה מחוקקי מואב סיר רחצי על אדום אשליך נעלי עלי פלשת התרועעי. לי גלעד זה אחאב שנפל ברמות גלעד. מנשה כמשמעו. אפרים מעוז ראשי זה ירבעם דקאתי מאפרים

עוד אחד שלמה (והמאמר הזה נאמר בגמרא כפי' משנת ג' מלכים וד' הדיוטות אין להם חלק וכו' ועל זה אמרו שבקשו למנות עוד מלך אחד עמהם. והוא שלמה) : דיוקנו. של דוד אביו נשתטחה לפניהם שלא למנותו עמהם : יתיצב לפני חשוכים בגיהנם בתמיה לפני מלכים יתיצב בג"ע ולא לפני חשוכים : המעמך ישלמנה. וכי עליכם לשלם תשלומי עונשו לאדם שאתם מואסים בשלמה לומר שאין לו חלק לעוה"ב : כי אתה תבחר ולא אני. וכי הבחירה בכם תלויה ולא בי לומר זה יש לו חלק ומי אין לו חלק אלא בי הדבר תלויה : דורשי רשומות. דורשי פסוקים דכתיב את הרשום בכתב אמת : היו אומרים. שכולם יש להם חלק אפילו למנשה ולירבעם ולאחאב : לי גלעד ולי מנשה. עלי לסבול עונש כדי שיהו הם זוכין : מנשה כמשמעו. מנשה בן חזקיה : דקאתי מיהודה. דאמר לו דוד ואתה אנוש כערכי אלופי ומיודעי שהיה קורא לאחיתופל מיודעי קרובי שהיה משבט יהודה כדוד : מואב סיר רחצי. דוד דקאתי ממואב : סיר רחצי. גיחזי שסר ונטרד על עסקי רחיצה : על אדום השליך נעלי. אגעיל

צ אמר. רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין מען האט געוואלט ציילען נאך אמלך וואס האט ניט קיין עולם הבא (דאס איז שלמה המלך) איז געקומען דער געשטאלט פון זיין פאטער דוד המלך אונ האט געבעטין ביי די תנאים זייא זאלין דאס ניט זאגען פאר קיינעם: האבען די תנאים נישט געוואלט קוקען אויף די רייד פון דוד. איז אראפ געקומען אפייער פון הימעל אונ האט פאר ברענט די בייאנק פון די תנאים. אונ די תנאים האבען אויף דעם אויך ניט געקוקט. איז אראפ געקומען אקול פון הימעל אונ האט גזאגט צו די תנאים דעם פסוק אז דו האסט געזעהן אזוי אמענטש וואס ער איז געאיילט אין זיין ארבעט וועט ער שטיין פאר מלכים אונ ער וועט ניט שטיין פאר די פינסטערע. שלמה וואס ער איז געווען געאיילט אין זיין ארבעט אונ ער האט געבאהט מיין שטוב (דעם בית המקדש) פריער פאר זיין שטוב. אונ נאך מער האט ער געטאהן מיין שטוב האט ער געבאהט אין זיבען יאהר אונ זיין שטוב האט ער געבאהט אין דרייצעהן יאהר: ער דארף שטיין פאר מלכים אין גן עדן. אונ ער דארף ניט שטיין פאר די פאר פינצטערטע אין גיהנם. האבען די תנאים נישט געוואלט צו הערין וואס דער קול האט גזאגט: איז נאך אמאהל ארויס געגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גזאגט דעם פסוק המעמך ישלמנה. וועט איהר דען באצאהלען צו יעדער מענטש זיין פאר דינסט אונ זיין שטראף. וואס איר האט פאר מיאוסט דעם מלך שלמה אונ איר פסקנט ער זאל האבען גיהנם. וועט איר דען אויס דער ווייהלען ווער עס זאל האבען עולם הבא אונ ווער ניט. איך וועל אויס דער ווייהלין ווער עס זאל האבען עולם הבא אונ ווער ניט. אונ איך זאג אז שלמה וועט יא האבען עולם הבא. די דרשנים זאגען אלע ווערין קומען צו עולם הבא (אפילו מנשה אונ ירבעם אונ אחאב וועלין אויך האבען עולם הבא). ווארום עס שטייט אין פסוק צו מיר איז גלעד צו מיר איז מנשה אפרים איז דאס שטארקייט פון מיין קאפ יהודה איז מיין געזעץ געבער מואב איז דער טאפ וואס איך וואש מיך אין איהם אויף אדום וועל איך ווארפען מיין שלאס אויף פלשתים וועל איך מיך געזעלענען. צו מיר איז גלעד דאס מיינט מען דעם מלך אחאב וואס ער איז געהרגעט געווארין אין רמות גלעד. צו מיר איז מנשה דאס מיינט מען דעם מלך מנשה. אפרים איז דעם שטארקייט פון מיין קאפ דאס מיינט מען ירבעם בן נבט וואס ער איז געבארין פון אפרים. יהודה איז מיין געזעצגעבער דאס מיינט מען אחיתופל וואס ער איז געבארן פון שבט יהודה.

מאפרים. יהודה מחוקקי זה אחיתופל (דף קך) דקאתי מיהודה. מואב סיר רחצי זה גחזי שלקה על עסקי רחיצה. על אדום אשליך נעלי זה דואג האדומי עלי פלשת התרועעי אמרו מלאכי השרת לפני הקב"ה רבונו של עולם אם יבא דוד שהרג את הפלשתי והוריש את בנך גת מה אתה עושה לו אמר להם עלי לעשותם ריעים זה לזה:

לוהם כו'. אם יבא דוד שהרג את הפלשתי ויעק לפניך על שאתה נותן חלק לדואג ולאחיתופל לעוה"ב מה אתה עושה להפיס דעתו שהם כיון שונאים את זו: אמר להם. עלי לפייסן ולעשותם ריעים ואהובים זה לזה והיינו התרועעי לשון ריעות: ושמואל אמר. אלי תשובה נצחת כי אלי גוזה באו י' בני אדם וכו': עבד שמכרו רבו. מאחר שמכרנו הקב"ה לנ"כ וגרשנו מעליו יש לו עלינו

(ירמיה ח) **צא מדוע** שובבה העם הזה ירושלים משובה נצחת וגו' אמר רב תשובה נצחת השיבתו כנסת ישראל לנביא אמר להם נביא לישראל חזרו בתשובה אבותיכם שחטאו היכן הם אמרו להם ונביאיכם שלא חטאו היכן הם שנאמר (זכריה א) אבותיכם איה הם והנביאים הלעולם יחיו (אמר להם אבותיכם) חזרו והודו שנאמר (שם) אך דברי וחקי אשר צויתי את עבדי הנביאים הלוא השיגו אבותיכם וישובו ויאמרו כאשר זמם ה' צבאות לעשות לנו כדרכינו וכמעללינו כן עשה אתנו שמואל אמר באו י' בני אדם וישבו לפניו אמר להם חזרו בתשובה אמרו לו עבד שמכרו רבו ואשה שגרשה בעלה כלום יש לזה על זה כלום אמר לו הקב"ה לנביא לך אמור להם

מואב איז דער טאפ וואס איך וואש מיך אין איהם דאס מיינט מען גיחזי וואס ער איז גישטראפט געווארין דורך דעם וואס נעמן האט זיך געוואשען אין ירדן. אויף אדום וועל איך ווארפען מיין שלאס דאס מיינט מען דואג האדומי. איך וועל איהם איין שליסען אין גן עדן. אויף פלשתים וועל איך מיך גיזעלענען. דיא מלאכים האבען גזאגט פאר גאט רבונו של עולם אויב דוד וואס ער האט גיהרגעט דעם פלשתי גלית אונ ער האט גימאכט ירשנן צו דיינע קינדער דיא שטאט גת וועט קומען פאר דיר אונ וועט שרייען פאר וואס דוא גיבסט עולם הבא צוא זיינע צוויא גרויסע שונאים דואג אונ אחיתופל. וואס וועסטו איהם ענטפערין. האט גאט גזאגט איך נעם אויף מיר איך זאל זייא אלע דריי מאכען פר גוטע פריינד:

צא מדוע. עס שטייט אין פסוק פאר וואס איז ווילד גיווארין דיא פאלק וואס אין ירושלים משובה נצחת. וואס מיינט מען משובה נצחת. רב זאגט אשטארקע תשובה האבען דיא יודין גיענטפערט צום נביא. דער נביא האט גזאגט צו דיא יודין טוהט תשובה. אייערע עלטערין וואס האבען געזינדיגט וואו זענען זייא. זייא זענען דאך גישטארבען. האבען דיא יודין גזאגט צום נביא אונ אייערע נביאים וואס האבען ניט געזינדיגט וואו זענען זייא. זייא זענען דאך אויך גישטארבען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער נביא האט גזאגט צו דיא יודין אייערע עלטערין וואו זענען זייא. האבען דיא יודין גזאגט צום נביא אונ דיא נביאים וועלין אייביג לעבין. פון דעסטוועגין האבען דיא יודין דער נאך מודה גיוועזען צום נביא אז מען דארף תשובה טאהן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מיינע רייד אונ מיינע גיזעץ וואס איך האב גיבאטען צוא מיינע קנעכט דיא נביאים האבען גיטראפען צו אייערע עלטערין אונ זייא האבען צוריק גיקערט אונ האבען גזאגט אזוי וויא גאט האט גיטראכט צו טאהן צו אונז אזוי וויא אונזערע וועגין אונ וויא אונזערע מעשים אזוי האט ער גיטאהן מיט אונז. האבען דיא יודין מודה גיוועזען אז זייא זענען גישטראפט גיווארין אזוי וויא זייערע עבירות זענען גיוועזען. שמואל זאגט דאס איז גיוועזען דיא שטארקע תשובה וואס דיא יודין האבען גיענטפערט צום נביא. צעהן מענטשין זענען גיקומען אונ האבען זיך גיזעצט פאר דעם נביא. האט דער נביא צו זייא גזאגט טוהט תשובה. האבען זייא גזאגט צום נביא אקנעכט וואס דער בעל הבית האט איהם פאר קויפט. אונ אווייב וואס דער מאן האט איר גיגט. האט אייגער צו בפעלין אויף דעם אנדערין. אז גאט האט אונז פאר קויפט צו נבוכדנצר אונ ער האט אונז אוועק גיטריבען פון זיך. האט רען גאט נאך עפעס צו

להם (ישעיה נ) אי זה ספר כריתות אמכם אשר שלחתיה או מי מנושי וגו' והיינו דאמר ריש לקיש מאי דכתיב (ירמיה מג) דוד עבדי נבוכדנאצר עבדי גלוי וידוע למי שאמר והיה העולם שעתידין ישראל לומר כך לפיכך הקדים הקב"ה וקראו עבדו עבד שקנה נכסים עבד למי ונכסים למי. (יחזקאל כ) והעולה על רוחכם היו לא תהיה אשר אתם אומרים נהיה כגוים כמשפחות הארצות לשרת עץ ואבן חי אני נאם ה' אלהים אם לא ביד חזקה ובזרוע נטויה ובחמה שפוכה אמלוך עליכם אמר רב נחמן כל כי האי ריתחא לירתח רחמנא עלן ולפרוקינן. (ישעיה כח) ויסרו למשפט אלהיו יורנו אמר רבב"ה אמר להן נביא לישראל חזרו בתשובה אמרו לו אין אנו יכולין יצה"ר שולט בנו אמר להם יסרו יצרכם אמרו לו אלהיו יורנו:

כלום: דוד עבדי וגו' ונ"נ עבדי. שקרא לאותו רשע עבד כמו שקרא לדוד דכתיב בסוף ירמיה הנני שולח ולקחתי את נ"נ עבדי לא מפני שרוצה זה לזה אלא גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם שעתידין ישראל לומר כבר מכרנו הקב"ה לנ"נ לפיכך הקדים הקב"ה וקראו עבדי לנ"נ כדי להחזיר להם תשובה: עבד למי נכסים למי. כלומר נ"נ עבדי הוא וכל מה שקנה לי הוא ועדיין לא יצאתם מרשותי: העולה על רוחכם וגו'. כל מה שאתם סבורים לא יהיה: כל כי האי ריתחא. מי יתן ויבא לנו זה הכעס בחמה שפוכה אמלוך עליכם שיגאלנו בעל כרחנו וימלוך עלינו: א"ר אבא בר כהנא. היינו תשובה נצחת דה"ל אלהיו יורנו שאין אנו יכולים לייסר אותו:

בלא עם שאין לו חלק עה. עם: שבלה עם. שבלבל

צב [פיסקא] ארבעה הדיוטות בלעם ודואג ואחיתופל וגיחזי בלעם בלא עם

בפעלין אויף אונז. האט גאט גזאגט צום נביא גיי זאג צו דיא יודין וואו איז דער גט פון אייער מוטער וואס איך האב איר אוועק געשיקט. אונ ווער איז פון מיינע מאנערם וואס מאנט ביא מיר געלט אונ איך האב אייך פאר קויפט צו אים פאר דעם חוב. ואאשה וואס דער מאן האט איר ניגט אדער אקנעכט וואס דער בעל הבית האט איהם פאר קויפט. געווים אז דער מאן האט גאר ניט צו זיין ווייב. אונ דער בעל הבית האט גאר ניט צו זיין קנעכט. אבער אווייב וואס האט גיזינדיגט אויף איר מאן אונ איז אנטלאפין פון איהם. אדער אקנעכט האט געזינדיגט אויף זיין בעל הבית אונ איז אנטלאפין פון איהם. געווים האט נאך דער מאן צו שאפען אויף זיין ווייב. אונ דער בעל הבית האט צוא שאפען אויף זיין קנעכט. גאט האט דאך אייך ניט גיגט אונ האט אייך ניט פאר קויפט. נאר איר האט געזינדיגט צוא גאט אונ איר אנטלויפט פון איהם געווים האט נאך גאט צו בפעלין אויף אייך. דאס איז וואס ריש לקיש האט גזאגט עס שטייט אין פסוק מיין קנעכט דוד. מיין קנעכט נבוכדנצר. הט דען גאט גלייך גימאכט נבוכדנצר צו דוד. נאר גאט האט גיוואוסט אז דיא יודין וועלין אזוי זאגן וגאט האט אונז פאר קויפט צו נבוכדנצר האט ער שוין אויף אונז ניט צו בפעלין. דריבער האט גאט גזאגט אויף נבוכדנצר ער איז מיין קנעכט. אז אקנעכט האט גיקויפט אפארמעגין. גיהער דער קנעכט מיט דעם פאר מעגין צום בעל הבית. גיהער דאך נבוכדנצר מיט די יודין צו גאט. דער נביא האט גזאגט וואס עס גייט אויף אייער הארץ דאס וועט ניט זיין וואס איר זאגט מיר וועלין זיין אזוי וויא דיא פעלקער אזוי ווי די משפחות פון אלע לענדער מיר וועלין אויך בדינען דיא הילצערנע אונ דיא שטיינערנע געטער. זאגט גאט אזוי אמת ווי איך לעב אז מיט מיין שטארקע האנט אונ מיט מיין גינייגטין ארעם אונ מיט אאוים גיגאסענעם צארין וועל איך אויף אייך קעניגען. רב נחמן זאגט זאל שוין גאט קעניגען אויף אונז מיט כעס. נאר זאל ער שוין קעניגען אויף אונז אונ זאל אונז שוין אוים לייזין. עס שטייט אין פסוק ויסרו למשפט אלהיו יורנו. רבה בר בר חנה זאגט דער נביא האט גזאגט צו דיא יודין טוהט תשובה. האבען דיא יודין גזאגט מיר קענען ניט תשובה טאהן ווארום דער יצר הרע גיוועלטיגט אויף אונז. הט דער נביא צו זיי גזאגט פייניגט אייער יצר הרע. האבען די יודין גזאגט צום נביא גאט זאל לערנען דעם יצר הרע ער זאל אוועק גיין פון אונז. ווארום מיר קענען איהם ניט אוועק טרייבען פון אונז:

צב פיסקא. ארבעה. פיר פראסטע מענטשין האבין ניט קיין עולם הבא. בלעם דואג אחיתופל גיחזי. בלעם איז צוויי ווערטער בלא עם. אן אפאלק. ער וועט ניט האבין קיין חלק

דבר אחר בלעם שבלה עם. בן בעור שבא על בעיר תנא הוא בעור הוא כושן רשעתים הוא לבן הארמי בעור שבא על בעיר כושן רשעתים דעבד שני רשעיות בישראל אחד בימי יעקב ואחד בימי שפוט השופטים ומה שמו לבן הארמי שמו כתיב (במדבר כב) בן בעור וכתיב (שם כד) בנו בעור אמר רבי יוחנן אביו בנו הוא לו בנביאות בלעם הוא דלא אתי לעלמא דאתי הא שאר נכרים אחריתי אתו מתני' מני ר' יהושע היא דתניא רבי אליעזר אומר (תהלים ט) ישובו רשעים לשאולה כל גוים שכחי אלהים ישובו רשעים לשאולה אלו פושעי ישראל כל גוים שכחי אלהים אלו עכו"ם דברי ר"א אמר לו ר' יהושע וכי נאמר בכל הגוים והלא לא נאמר אלא כל גוים שכחי אלהים אלא ישובו רשעים לשאולה מאן נינהו
כל

ישראל בעצתו שהשיאו לבלק כדבעינן למימר לקמן ונפיל מהם כ"ד אלפים: שבא על בעיר: שבא על אתונו כמו דמתרגמינן בהמה בעיר: תנא הוא בעור אביו של בלעם הוא כושן רשעתים הוא לבן הארמי: אחד בימי יעקב. שרדף אחריו ובקש לעקור את הכל: ואחד בימי שופטים. לאחר מיתת יהושע דכתיב ויחר אף ה' בישראל ויתן ביד כושן רשעתים: בנו בעור. משמע בעור בנו של בלעם היה: בנו הוא לבלעם בנביאות שבלעם גדול מאביו היה בנביאות: בלעם. שהיה נכרי בהדי הדיוטות וקאמר דאין לו חלק מכלל דשאר נכרים יש להם חלק: מתני' מני כו'. א"ל רבי יהושע אילו נאמר ישובו רשעים לשאולה בכל הגוים משמע כדקאמרת השתא דכתיב כל גוים שכחי אלהים לא משמע אלא אותן השוכחים אלוה כגון בלעם ושכמותו אבל אחריני אתו כדאמרינן בריש פרקין ורעו זרים צאנכם ובני נכר אכריכם לעוה"ב: מאן נינהו כל הגוים שכחי אלהים. דמכל האומות בורר הקב"ה הרשעים שבהם ונותן אותם בגיהנם ואין להם חלק לעתיד אבל השאר

עולם הבא מיט דעם פאלק. מיט דיא יודין. אנדערע זאגין בלעם איז צווייא ווערטער בלה עם. ער האט צו מישט דאס פאלק יודין מיט זיין עצה וואָרום עס איז געפאלין פיר און צוואנציג טויזענד יודין דורך זיין עצה. בן בעור האט מען איהם גירופין ווייל ער האט מזנה געוועזן מיט אבהמה. מיט זיין אייזיל; ווארום בעיר איז דער טייטש אבהמה: מיר האבין גילערנט דער פאטער פון בלעם האט געהייסין בעור. און ער האט געהייסין דריי נעמען. בעור כושן רשעתים און לבן הארמי. בעור האט ער געהייסין ווייל ער פלעגט מזנה זיין מיט בהמות. כושן רשעתים האט ער געהייסין ווייל ער האט גיטאהן צווייא מאהל שלעכץ צו יודין. איין מאהל אין דיא צייט פון יעקב וואס ער האט נאך געיאגט יעקב און ער האט געוואלט בייא איהם אלץ צוא נעמען. און דאס אנדערע מאהל אין דיא צייט פון דיא שופטים (אזוי וויא עס שטייט אין שופטים קאפיטל ג). און דער אמת'ר נאמען זיינער איז געוועזן לבן הארמי. פרעגט די גמרא אמאהל שטייט אין פסוק בן בעור (בלעם איז געוועזן דער זוהן פון בעור). און אמאהל שטייט אין פסוק בנו בעור (דער זוהן פון בלעם איז געוועזן בעור). רבי יוחנן זאגט בעור איז געוועזן אפאטער פון בלעם. נאר אין נביאות איז ער געוועזן אזוי וויא א זוהן צו בלעם. ווארום בלעם איז געוועזן א גרעסער נביא וויא זיין פאטער. פרעגט דיא גמרא נאר בלעם וועט ניט האבין עולם הבא. אבער אנדערע גוים האבין יא עולם הבא. וועט דיא משנה אויס קומען אזוי ווי רבי יהושע. ווארום מיר האבין גילערנט רבי אליעזר זאגט עס שטייט אין פסוק ישובו רשעים לשאולה כל גוים שכחי אלהים. דיא רשעים וועלי גיין צום גיהנם אלע פעלקער וואס פאר געסין אין גאט וועלין גיין צום גיהנם). דיא רשעים וועלין גיין צום גיהנם דאס מיינט מען יודישע רשעים. אלע פעלקער וואס פאר געסין אין גאט מיינט מען די גוים וואס דינען עבודה זרה וועלין זיין אין גיהנם). האלט רבי אליעזר אז אלע עכו"ם וועלין זיין אין גיהנם. האט רבי יהושע גיזאגט צו רבי אליעזר אז אין פסוק וואלט גישטאנען ישובו רשעים לשאולה בכל גוים. דיא רשעים וועלין צוריק קערין אין גיהנם אזוי וויא אלע פעלקער וואס וועלין זיין אין גיהנם). און די צווייטע ווערטער שכחי אלהים וואס פאר געסין אין גאט) וואלט ניט גישטאנען; וואלט איך אויך זאגין וויא דוא זאגסט. אז רשעים מיינט מען יודישע רשעים און אלע גוים וועלין זיין אין גיהנם. עס שטייט דאך אבער כל גוים שכחי אלהים. אלע פעלקער וואס פאר געסין אין גאט. מיינט אזוי דער פסוק. די רשעים וועלין צוריק קערין אין גיהנם. וועלכע רשעים. גוישע רשעים. ווער זענין די גוישע רשעים דיא וואס פאר געסין וגלויבין ניט) אין גאט. אבער דיא גוים וואס גלויבין אין

כל הגוים שכחי אלהים ואף אותו רשע נתן סימן בעצמו אמר (במדבר כג) תמות נפשי מות ישרים אם תמות נפשי מות ישרים תהא אחריתי כמוהו ואם לאו הנני הולך לעמי:

(במדבר כב) **צג וילכו** זקני מואב וזקני מדין תנא מדין ומואב לא היה להם שלום מעולם משל לשני כלבים שהיו בעדר והיו צהובין זה לזה בא זאב על אחד אמר האחר אם איני עוזרו היום הורג אותו ולמחר בא עלי הלכו שניהם והרגו הזאב אמר רב פפא היינו דאמרי אינשי כרכושתא ושונרא עבדו הלולא מתרבא דביש גדא. (שם) וישבו שרי מואב עם בלעם ושרי מדין להיכן אזול כיון דאמר להו לינו פה הלילה והשיבותי אתכם דבר אמרו כלום יש אב ששונא את בנו א"ר נחמן חוצפא אפילו כלפי שמיא מהני מעיקרא כתיב (שם) לא תלך עמהם ולבסוף כתיב (שם) קום לך אתם אמר רב ששת חוצפא מלכותא

יש להם חלק: אף לזהו רשע נתן סימן בעצמו. שאין לו חלק לעתיד: תמות נפשי מות ישרים. אם ימות מיתת עצמו תהא אחריתי כמוהו דודאי יש לו חלק עמהם: ואם לאו. דלא ימות אלא יהרג הנני הולך לעמי לגיהנם:

לא היה להם שלום. דכתיב המכה את מדין בשדה מואב: צהובין. כעוסין שכשאדם כועס פניו צהובים: כרכושתא. חולדה: כרכושתא ושונרא. אין להם שלום מעולם: בי"ש גדא. מזל רע: כלום יש אב ששונא את בנו. שהוא סבור שיאמר לו הקב"ה קלל את נא דקאמר בלעם לינו פה הלילה: חוצפא אפי' כלפי שמיא מהני: דאהני ליה מה שהעיז פניו לומר לשלוחי בלק לינו פה שאמר לו הקב"ה בתחלה לא תלך

גאָט אוּנ זענען ניט רְשָׁעִים װעלין זיי האָבּין עוֹלָם הַבָּא. אוּנ דער רָשָׁע בִּלְעָם האָט גיגעבּין אַסִימָן אויף זיך אויבּ ער װעט האָבּין עוֹלָם הַבָּא. אָדער ניין. ער האָט אַזוי גיזאָגט תָּמוֹת נַפְשִׁי מוֹת יְשָׁרִים. אויבּ איך װעל שְׁטארבּין וויא דיא פְרוּמע מענטשין שְׁטַארבִּין. (איך װעל אַלְט װערין אוּנ קְרַאנְק װערין אוּנ שְׁטַארבִּין). װעט איהר װיסען אַז מַיין סוֹף איז אַזוי וויא דער סוֹף פוּן אַלע יוּדין. איך װעל האָבּין עוֹלָם הַבָּא אַזוי װי די יוּדין האָבּין. אוּנ אויבּ איך װעל גיהַרְגֶ'ט װערין. זאָלְט איהר װיסען אַז איך גיי אין גֵיהִנֹּם צוּ מַיין פָאלְק:

צג וַיֵּלְכוּ. דיא אַלְטע לַייט פוּן מוֹאָב אוּנ דיא אַלְטע לַייט פוּן מִדְיָן זענען גיגאַנגען צוּ בִּלְעָם. מיר האָבּען גילערונט מִדְיָן אוּנ מוֹאָב האָבּען קיין מאָהל ניט גיהאַט שָׁלוֹם צווישין זיך. אַמָשָׁל איז צוויי הינט זענען אַמאָהל גיװען אין אַסְטַארע שעפסין. אוּנ זייא זענען גיװען אין כַּעַס איינער אויף דעם אַנדערין. איז גיקומען אַוואָלף אוּנ האָט גיוואָלט צוּ רַייסען איין הוּנט. האָט דער אַנדערער הוּנט גיזאָגט אויבּ איך װעל איהם ניט העלפין געגין דעם װאָלף. היינט װעט דער װאָלף איהם הַרְגֶ'נען. מאָרגין װעט ער קומען אוּנ װעט מיך הַרְגֶ'נען. זענען גיגאַנגען בֵּיידע הינט אוּנ האָבּען גיהַרְגֶ'ט דעם װאָלף. אַזוי אַז מִדְיָן האָבּען גיזעהן די יוּדין קומען מִלְחָמָה האַלְטען מיט מוֹאָב. האָבּען זיי גיזאָגט היינט װילען דיא יוּדין הַרְגֶ'נען מוֹאָב. מאָרגין װעלין זייא קומען הַרְגֶ'נען אוּנז. דְריבּער האָבּען זיך בּהעפט מִדְיָן מיט מוֹאָב אוּנ זענען גיגאַנגען צוּ בִּלְעָם מען זאָל פלוּכין דיא יוּדין. רַב פָּפָּא זאָגט דאָס איז וואָס מענטשין זאָגין אַמוֹיז מיט אַקאַץ װאָס האָבּען קיין מאָהל ניט שָׁלוֹם איינער מיט דעם אַנדערין. האָבּען אַמאָהל גימאַכט אַסְעוּדָה פוּן דיא חֵלֶב פוּן שְׁרעקְליכען מַזָל. עס שְׁטייט אין פָּסוּק דיא שָׂרִים פוּן מוֹאָב זענען גיזעסען מיט בִּלְעָם. אוּנ דיא שָׂרִים פוּן מִדְיָן וואוּ הין זענען גיגאַנגען. ענטפערט די גְמָרָא וויא בִּלְעָם האָט גיזאָגט צוּ די שָׂרִים נעכטיגט דאָ דיא נאַכט װעל איך זאָגין אַנטװאָרט װאָס גאָט װעט מיר זאָגין האָבּען דיא שָׂרִים פוּן מִדְיָן גיזאָגט איז דען דאָ אַפאָטער װאָס זאָל פיינד האָבּען זַיין זוהן. האָט דען גאָט פיינד דיא יוּדין װאָס זייא זענען זַיינע קינדער. געוויס האָט זייא גאָט ליבּ. אוּנ ער װעט ניט זאָגן צוּ בִּלְעָם ער זאָל פלוּכין די יוּדין. װוּס האָבּען מיר דאָ צוּ װאַרטען. רַב נַחְמָן זאָגט הָעֲזָה העלפט אֲפִילוּ געגין גאָט אויך. גאָט האָט דאָך שוין איין מאָהל גיזאָגט צוּ בִּלְעָם זאָלסט ניט גיין מיט זייא. צוּ װאָס האָט בִּלְעָם זייא נאָך אַמאָהל גיהייסען נעכטיגען. דאָס איז דאָך גיװען אַהָעזָה. אוּנ דאָס האָט איהם דאָך גיהאָלפען. װאָרוּם פְרִיער דיא ערשטע נאַכט האָט גאָט גיזאָגט צוּ איהם דוּא זאָלסט ניט גיין מיט זייא. אוּנ דער נאָך

מלכותא בלא תאגא היא דכתיב (ש"ב ג) ואנכי היום רך ומשוח מלך והאנשים האלה בני צרויה קשים ממני וגו':

צד א"ר יוחנן בלעם חגר ברגלו אחת היה שנאמר (במדבר כג) וילך שפי שמשון בשתי רגליו שנאמר (בראשית מט) שפיפון עלי אורח בלעם סומא בא' מעיניו היה שנאמר (במדבר כד) שתום העין:

(ע"ב) **צה** **וידע** דעת עליון השתא דעת בהמתו לא הוה ידע דעת עליון הוה ידע וכו':

(עד משהחויט להמה מיד כועס כמס' ברכות ס"א מאמר כ"ח)

(במדבר כד) **צו** **ויקם** בלעם בבקר ויחבוש את אתונו תנא משום ר' שמעון בן אלעזר אהבה מבטלת שורה של גדולה מאברהם דכתיב (בראשית כב) וישכם אברהם בבקר שנאה מבטלת שורה של גדולה מבלעם דכתיב ויקם בלעם בבקר ויחבוש את אתונו:

צז **אמר** רב יהודה אמר רב לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצות אפילו שלא לשמה שמתוך

והדר אמר לך: מלכותא בלא תאגא. כלומר שררה גדולה ואינו חסר אלא כתר מלכות: אנכי היום רך ומשוח מלך והאנשים האלה קשים ממני. כלומר איני גדול מהם אלא משיחת מלכות:

שפי. כמו בוקא דאטמא דשף מדוכתיה: שפיפון. משמע שנים: שתום העין: שתום פתוח כמו שתומיה מיכר כלומר עינו אחת פתוחה מכלל דאחרת סתומה והכי נמי מתרגמינן דשפיר חזא. ע"כ. ואית דמפרשי שתום כמו סתום ולאו מלתא היא:

אהבה. שאהב אברהם את הקב"ה ביטל שורה של גדולה שחבש הוא בעצמו: ושנאה. ששנא בלעם הרשע את ישראל ביטל שורה של גדולה שחבש הוא בעצמו:

דיא אנדערע נאכט האט גאט גזאגט צוא איהם גייא מיט זייא. רב ששת זאגט העזה איז אמלוכה אן אקרוין וואָרום אזוי וויא מען האט מורא פאר אמלך. האט מען מורא פאר אעזות פנים אויך. נאר דער מלך האט אקרוין. אונ דער עזות פנים האט ניט קיין קרוין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דוד המלך הט גזאגט איך בין נאך היינט יונג אונ היינט גיזאלבט פר אמלך. אונ די מענטשין די קינדער פון צרויה זענען שווערער פר מיר. מען הט פר זיי מער מורא וויא פר מיר. זענען זיי גרעסערע מלכים וויא איך. נאר איך בין אמלך מיט אקרוין. אונ זייא זענען מלכים אן אקרוין:

צד אמר. רבי יוחנן זאגט בלעם איז גיוועזן לאהם (הינקעדיג) אויף איין פוס. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וילך שפי. ער איז גיגאנגען (מיט איין פוס). אונ האט געשפרונגען (מיט דיא אנדערע פוס). שמשון איז גיוועהן לאהם (הינקעדיג) אויף ביידע פיס. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק שפיפון עלי אורח. אז ער איז גיגאנגען אין וועג האט ער גישפרונגען אויף ביידע פיס. בלעם האט גיהאט איין אויג אבלינדע. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שתום העין. איין אויג אאפינע. אבער דיא אנדערע אויג אפארמאכטע:

צה ויקם. בלעם איז אויף גישטאנען גאנץ פריא אונ האט גישפאנט דעם אייזיל. מיר האבין גילערנט פון רבי שמעון בן אלעזרם וועגין ליבשאפט שטערט אמאהל דעם פירונג פון גרויסקייט ווייסין מיר פון אברהם אבינו. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אברהם איז אויף גישטאנען גאנץ פריא אונ האט גישפאנט דעם אייזיל. ווייל ער האט ליב גיהאט גאט אגרויסע ליבשאפט אונ ער האט גיוואלט געשווינט מקיים זיין וואס גאט האט גיהייסט ברענגען יצחק צו דר עקידה. דריבער האט ער ניט גיווארט ביז זיינע קנעכט וועלין שפאנען דעם אייזיל. נאר ער אליין האט איהם גישפאנט: אונ פיינדשאפט שטערט אמאהל אויך דעם פירונג פון גרויסקייט. ווייסין מיר פון בלעם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בלעם איז אויף גישטאנען גאנץ פריא אונ הט גישפאנט דעם אייזיל. ווייל ער האט פיינט גיהאט דיא יודין אגרויסע פיינדשאפט אונ ער הט געשווינט גיוואלט גיין זיי פלוכין. דריבער הט ער ניט גיווארט ביז זיינע קנעכט וועלין שפאנען דעם אייזיל. נאר ער אליין האט איהם גישפאנט:

צו אמר. רב יהודה האט גיזאגט פון רבס וועגין אייביג זאל אמענטש לערנען תורה

שמחוך שלא לשמה בא לשמה שבשכר מ"ב קרבנות שהקריב בלק זכה ויצתה ממנו רות וא"ר יוסי בר הונא רות בתו של עגלון בן בנו של בלק מלך מואב היתה:

צז א"ל רבא לרבה בר מרי כתיב (מ"א א) ייטיב אלהים את שם שלמה משמך ויגדל את כסאו מכסאך אורח ארעא למימר ליה למלכא הכי א"ל מעין קאמר ליה דאי לא תימא הכי (שופטים ה) תבורך מנשים יעל אשת חבר הקיני מנשים באהל תבורך נשים באהל מאן נינהו שרה רבקה רחל ולאה אורח ארעא למימר הכי אלא מעין קאמר הכי נמי מעין קאמר ופליגא דר' יוסי בר חוני דאמר רבי יוסי בר חוני בכל אדם מתקנא

מ"ב קרבנות בין פרים ואילים ז' פרים וז' אילים ג' פעמים הרי מ"ב בין פרים ואילים: אורח ארעא למימר הכי. וכי דרך ארץ דיאמרו ייטיב אלהים שם שלמה משמך והא חוצפא דעבדים דאמרי ליה שיהא גדול מאביו: מעין. כמו קאמר ליה ומעין ככך ולא גדול ממש: נשים באהל. שרה רבקה רחל ולאה דכתיב בהו אהל שרה ורבקה דכתיב ויביאה יצחק האהלה שרה אמו רחל ולאה דכתיב ויצא מאהל לאה ויבא באהל רחל: אורח ארעא. שהאמר דבורה ליעל שהא ברוכה משרה ורבקה אלא מעין ברכת שרה קאמרה: ופליגא וכו'. כאי דקא משני שם שלמה משמך

אונ זאל טאהן מצות. אפילו ער מיינט ניט פון גאטס וועגין. ווארום ער וועט שוין קומען דר צו ער זאל יא מיינען פון גאטס וועגין [אונ אויב ער וועט ניט קומען דער צו: וועט קומען זיינער א קינד דער צו. ווארום דער קינד וועט זעהן דער פאטער לערונט תורה אונ טוהט מצות. וועט ער אויך אזוי טאהן. אונ וואס ביא זיין פאטער אין הארצין איז ווייס דאך דער קינד ניט: ער מיינט דער פאטער טוהט דאס פון גאטס וועגין. וועט דער קינד אויך טאהן פון גאטס וועגין] אזוי וויא מיר זעהן ביי בלק. ער האט מקריב געוועזן צוויי אונ פערציג קרבנות [אונ ער האט ניט גימיינט פון גאטס וועגין] האט ער זוכה גיוועזן אז פון איהם איז גיבארין גיווארין רות וואס זיא האט זיך מגייר גיוועזן אונ האט גיטאהן מצות פון גאטס וועגין. ווארום רבי יוסי בר הונא האט גיזאגט רות איז גיוועזן דיא טאכטער פון עגלון דער מלך פון מואב. אונ עגלון איז גיוועזן אאייניקול פון בלק דער מלך פון מואב:

צז אמר. רבא הט גיזאגט צו רבה בר מרי. עס שטייט אין פסוק מענטשין האבין גזאגט צו דוד המלך ייטיב אלהים את שם שלמה משמך ויגדל את כסאו מכסאך. גאט זאל פאר בעסערין דעם נאמען פון שלמה מער פון דיין נאמען: אונ ער זאל גרוים מאכין דעם שטוהל פון שלמה גרעסער פון דיין שטוהל [דאס מיינט מען דיא מלוכה פון שלמה זאל זיין גרעסער ווי דיא מלוכה פון דוד] . איז דען שיין מען זאל אזוי זאגין צו א מלך. אז דיא מלוכה פון זיין זוהן זאל זיין גרעסער וויא זיין מלוכה. האט רבה גזאגט משמך מיינט מען ניט גרעסער פון דיין נאמען. אונ מכסאך מיינט מען ניט גרעסער פון דיין שטוהל. נאר מען מיינט עס זאל זיך פר גלייכען צו דיין נאמען אונ עס זאל זיך פר גלייכעו צו דיין שטוהל: דער נאמען פון שלמה זאל ניט זיין קלענער וויא דיין נאמען. אונ דער שטוהל פון שלמה זאל ניט זיין קלענער פון דייז שטוהל: ווארום אז דוא וועסט ניט אזוי זאגן. נאר דוא וועסט זאגין וויא פריער אז משמך מיינט מען גרעסער פון דיין נאמען אונ מכסאך מיינט מען גרעסער פון דיין שטוהל. עס שטייט אין פסוק תבורך מנשים יעל אשת חבר הקיני מנשים באוהל תבורך. וועט זענען דיא ווייבער פון גיצעלט. דאס איז שרה רבקה רחל לאה. אז דוא זאגסט דער מ"ם ווייזט אויף מער. וועסטו דאך טייטשין דעם פסוק יעל זאל גיבענטשט ווערין מער וויא דיא ווייבער פון גיצעלט. מער וויא שרה רבקה רחל לאה. איז שיין אזוי צו זאגן אז יעל זאל גיבענשט ווערין נאך מער וויא שרה רבקה רחל לאה: נאר מען מיינט אזוי וויא שרה רבקה רחל לאה. ניט ווייניגער פון זיי: אזוי מיינט מען ביי שלמה אויך. שלמה זאל גיבענשט ווערין ניט ווייניגער פון דוד. אונ רבה קריגט אויף רבי יוסי ווארום ר' יוסי הט גזאגט אויף אלע מענטשין הט אמענטש קנאה פר וואס יענער איז גרעסער פון איהם. אבער אפאטער אויף אזוהן אונ ארבי אויף אתלמיד האבען ניט קיין קנאה. אז אויף אזוהן האט מען ניט קיין. קנאה דאס ווייסען מיר פון שלמה. מען הט

מתקנא חוץ מבנו ותלמידו בנו משלמה ותלמידו אי בעית אימא (מ"ב ב) ויהי נא פי שנים ברוחך אלי ואי בעית אימא (במדבר כז) ויסמוך את ידיו עליו ויצוהו: (במדבר כג) **צח וישם** ה' דבר בפי בלעם ר' אלעזר אומר מלאך ר' יונתן אמר

חכה א"ר יוחנן מברכתו של אותו רשע אתה למד מה היה בלבו בקש לומר שלא יהיו להם בתי כנסיות ובתי מדרשות (שם כד) מה טבו אהליך יעקב. לא תשרה שכינה עליהם משכנתיך ישראל. לא תהא מלכותן נמשכת כנחלים נטיו. לא יהיו להם זיתים וכרמים

כגנות

פירוש

תפין פליגא אדרבי יוסי בר חוני: בנו. מנין שאינו מקנא בו: משלמה. דקאמר ליה לדוד ייטיב אלהים שם שלמה משמך: ותלמידו איבעית אימא. דקאמר ליה אלישע לאליהו ויהי נא פי שנים ברוחך אלי ונתן לו אליהו ולא נתקנא בו: ויסמוך את ידיו עליו ויצוהו. אע"ג דהקדוש ברוך הוא לא אמר ליה אלא וסמכת את ידך עליו הדא אזל איהו וסמך בתרתי:

מלאך. שמסרו הקב"ה למלאך שלא יניחנו לקלל:

חכה. נתן בפי בלעם שלא היה מניחו לקלל והיינו וישם דבר בפיו: מברכותיו אתה למד מה היה בלבו. דכתיב ויהפוך ה' אלהיך לך את הקללה לברכה אלמא שהיה רוצה לקלל הפך הקב"ה לברכה מה היה רוצה לקללם בכך שלא יהו להם בתי כנסיות ולא נתן רשות ואמר מה טובו

געזאגט צו דוד גאט זאל פר בעסערין דעם נאמען פון שלמה מער פון דיין נאמען. אונ ער זאל פר גרעסערין דעם שטוהל פון שלמה גרעסער פון דיין שטוהל. אונ דוד האט זיך בעדאנקט פאר די רייד וועהן מיר אז רבי יוסי טייטשט דעם מ"ם פון משמך אונ דעם מ"ם פון מכסאך מער פון דיין נאמען אונ מער פון דיין שטוהל. ניט וויא רבה. אונ אז ארבי איז ניט מקנא זיין תלמיד ווייסען מיר פון אליהו הנביא אונ פון משה רבינו. אלישע דער תלמיד פון אליהו הנביא האט געבעטין ביי זיין רבי אליהו ער וויל זיין א נביא צוויי מאהל אזוי גרויס וויא זיין רבי. האט אליהו איהם צו געזאגט. אונ ער האט גאר ניט געהאט קיין קנאה. אונ גאט האט געזאגט צוא משה ער זאל ארויף לייגען נאר איין האנט אויף יהושע. אונ משה האט ארויף געלייגט ביידע הענט אויף יהושע ווארום משה האט געהאט צוויי כחות. איין כח צו מלחמה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז משה הט אויף געהויבען זיין האנט האבען זיך די יודין געשטארקט אין דער מלחמה. אונ איין כח צו חכמה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער האט געהאלטען די לוחות אויף ביידע הענט. גאט האט געהייסען משה זאל ארויף לייגען איין האנט אויף יהושע. ער זאל איהם נאר געבין דעם כח פון מלחמה. אונ חכמה זאל יהושע נאר האבען אזוי וויא ער הט געהאט ווען משה האט געלעבט. דריבער שטייט אין פסוק יהושע זאל שטיין פר אלעזר הכהן אונ ער זאל ביי איהם פרעגין וואס די אורים ותומים זאגן. אבער משה האט ארויף געלייגט ביידע הענט אויף יהושע אונ ער הט איהם אוועק געגעבן דעם כח פון חכמה אויך. דריבער שטייט אין פסוק יהושע איז געווארין פול מיט חכמה ווייל משה הט ארויף געלייגט אויף איהם ביידע הענט. אונ משה הט אים גאר ניט מקנא געוועז:

צח וישם. גאט האט געטאהן א זאך אין די מויל פון בלעם. רבי אלעזר זאגט גאט הט געגעבן בלעם אין די האנט פון א מלאך. דער מלאך זאל איהם ניט לאזן פלוכין די יודין: נאדער אזוי מיינט מען אלע ברכות וואס בלעם הט געבענטשט די יודין זענען די רייד ניט ארויס געגאנגען פון בלעמס מויל. נאר א מלאך הט דאס גירעדט. רבי יונתן זאגט א ווענדקע הט מען ארין געזעצט אין די מויל פון בלעם. אזוי חיא בלעם הט געוואלט אנהייבען פלוכין דיא יודין איז איהם פאר האלטען געווארין דאס מויל אונ ער הט ניט געקענט ריידען וואס ער הט געוואלט. נאר וואס גאט הט געוואלט. רבי יוחנן זאגט פון די ברכות וואס בלעם הט געבענטשט די יודין. פר שטייען מיר וואס ער האט זיי געוואלט פלוכין ווארום עס שטייט דאך אין פסוק אז גאט הט פר קערט דיא קללה אונ הט געמאכט פון די קללה א ברכה. ווייסען מיר פון דיא ברכה וואס דיא קללה וואלט געווען. ער האט געוואלט זאגן יודין זאלין ניט האבען שולען אונ בתי מדרשים. האט ער זייא געמוזט בענטשין ווי גוט זענען דיינע געצעלטין (די שולען אונ בתי מדרשים) פון יעקב. ער הט געוואלט זאגן די שכינה זאל ניט רוהען אויף יודין: האט ער געמוזט זאגין משכנותיך ישראל. דיין רוהונג זאל זיין אויף יודין דיא שכינה זאל יא רוהען אויף יודין. ער האט געוואלט זאגן דיא מלוכה פון

בננות עלי נהר . לא יהא ריחן נודף כאהלים נטע ה'. לא יהיו להם מרבים בעלי קומה כארזים עלי מים . לא יהיה להם מלך בן מלך יזל מים מדליו . לא תהא מלכותן שולטת באומות וזרעו במים רבים . לא תהא עזה מלכותן וירם מאגג מלכו . לא תהא איומה מלכותן ותנשא מלכותו. א"ר אבא בר כהנא כולן חזרו לקללה חוץ מבתי כנסיות ובתי מדרשות שנאמר (דברים כג) ויהפוך ה' אלהיך לך את הקללה לברכה כי אהבך ה' אלהיך קללה ולא קללות :

להליך יעקב : ריחו נודף . מנגלות : וירם מאגג . מתרגמינן ויתקף מאגג שהיא מלכותם עז : וכולן . כל הברכות של בלעם חזרו לקללה כמו שהיתה כוונתו מתחלתו : חוץ מבתי כנסיות ובתי מדרשות . שלא יפסקו מישראל לעולם : הקללה לברכה . אחת מן הקללות לברכה שלא חזרה לעולם ולא כל הקללות לברכות שחזרו :

נעתרות נשיקות שונא. נעתרות נהפכות כמו עתר שמהפך התבואה כלומר נאמנים פצעי אוהב ונהפכות מנאמנות נשיקות שונא : מחליף . להתר

צט א"ר שמואל בר נחמני א"ר יונתן מ"ד (משלי כז) נאמנים פצעי אוהב ונעתרות נשיקות שונא טובה קללה שקלל אחיה השילוני את ישראל יותר מברכה שברכם בלעם הרשע אחיה השילוני קלל את ישראל בקנה שנאמר (מ"א יד) והכה ה' את ישראל כאשר ינוד הקנה במים וגו' מה קנה זו עומד במקום מים וגזעו (דף קו) מחליף ושרשיו מרובין ואפי' כל הרוחות

יוּדִין זָאל זִיךְ נִיט לָאזִין צִיהֶען . הָאט עֶר גִימִוּזְט זָאגֶן זַייא זָאלֶן זַיין גִינֵייגְט אַזוֹי וִויא טַייכֶען . זַייעֶר מְלוּכָה זָאל זִיךְ צִיהֶען אַזוֹי וִויא דִיא וַואסֶער פוּן אַטַייךְ . עֶר הָאט גִיוָואלְט זָאגֶן יוּדִין זָאלֶן נִיט הָאבֶּען אֵייבִּירְט בּוֹימֶער אוּנ נִיט וַויינְגֶערְטְנֶער . הָאט עֶר גִימוּזְט זָאגִין זַייא וֶועלִין זַיין אַזוֹי וִוי גֶערְטְנֶער וָוס זֶענֶען בַּיי דֶעם טַייךְ . עֶר הָט גִיוָואלְט זָאגֶן זַייעֶר רֵיחַ זָאל נִיט שְׁמֶעקִין . זַייעֶר נָאמֶען זָאל נִיט גְרוֹיס זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט . הָט עֶר גִימוּזְט זָאגֶן זַייא זָאלֶן זַיין וִויא דִי בְּשָׂמִים וָוס גָאט הָט גִיפְלַאנְצְט . זַייעֶר נָאמֶען זָאל שְׁמֶעקִין אוּנ גְרוֹיס זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט . עֶר הָאט גִיוָואלְט זָאגֶן דִיא יוּדִין זָאלִין נִיט זַיין הוֹיכֶע מֶענְטְשִׁין . הָאט עֶר גִימוּזְט זָאגֶן זַייא זָאלִין זַיין וִויא דִיא טְעגֶען בּוֹימֶער וָואס וַואקְסֶען נֶעבִּין וַואסֶער . עֶר הָאט גִיוָואלְט זָאגִין בַּיי דִיא יוּדִין זָאל נִיט זַיין אַמֶלֶךְ דֶער זוּהן פוּן אַמֶלֶךְ . הָט עֶר גִימוּזְט זָאגֶן עֶס וֶועט רִינֶען וַואסֶער פוּן זַיינֶע בְּרוּנֶענְס . דֶער זוּהן וָואס וֶועט גִיבָּארֶען וֶוערִין פוּן דֶעם מֶלֶךְ וֶועט אוֹיךְ זַיין אַמֶלֶךְ . עֶר הָאט גִיוָואלְט זָאגֶן דִיא מְלוּכָה פוּן דִיא יוּדִין זָאל נִיט גִיוָועלְטִיגֶען אוֹיף דִיא פֶעלְקֶער . הָאט עֶר גִימוּזְט זָאגִין זַיין פַאר זֵייהוּנְג זָאל זַיין אוֹיף פִיל וַואסֶער . זַיין מְלוּכָה זָאל זַיין אוֹיף פִיל פֶעלְקֶער . עֶר הָאט גִיוָואלְט זָאגֶן זַייעֶר מְלוּכָה זָאל נִיט זַיין שְׁטַארְק . הָאט עֶר גִימוּזְט זָאגִין זַיין מְלוּכָה זָאל זַיין שְׁטַארְקֶער וִויא דִיא מְלוּכָה פוּן אֲגַג . עֶר הָאט גִיוָואלְט זָאגִין זַייעֶר מְלוּכָה זָאל נִיט זַיין פֶרְכְטֶערְלִיךְ . הָאט עֶר גִימוּזְט זָאגִין זַיין מְלוּכָה זָאל דֶער הוֹיבִּין וֶוערִין . רַבִּי אַבָּא בַּר כָּהֲנָא זָאגְט פוּן דִיא אַלֶע בְּרָכוֹת אִיז צוּרִיק גִיוָוארִין קְלָלוֹת . אַזוֹי וִויא בִּלְעָם הָאט גִיטְרַאכְט צוּ פְלוּכִין . נָאר שׁוּלֶען אוּנ בָּתֵּי מִדְרָשִׁים וֶועגִין גֶעבְּלִיבֶּען בַּיי יוּדִין . אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט הָט פַאר קֶערְט דִיא קְלָלָה צוּ אַבְּרָכָה . וַוייל גָאט הָאט דִיךְ לִיבּ וְהָאט עֶר נָאר פַאר קֶערְט אֵיין קְלָלָה צוּא אַבְּרָכָה . אוּנ דִיא אִיבֶּערִיגֶע קְלָלוֹת זֶענֶען גֶעבְּלִיבֶּען אַזוֹי וִויא זַייא זֶענֶען גִיוֶועזֶן . אִין אֶמֶת אַז יוּדִין הָאבֶּען גֶעזִינְדִיגְט הָאט גִיבַארְפְט וֶוערִין פוּן אַלֶע בְּרָכוֹת צוּרִיק קְלָלוֹת . נָאר וַוייל גָאט הָט לִיבּ דִיא תּוֹרָה אוּנ דִיא תְּפִלּוֹת פוּן דִי יוּדִין דֶרִיבֶּער הָט עֶר גִילָאזִין דִי שׁוּלֶען אוּנ דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים :

צט אָמַר . רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָנִי הָאט גִיזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹנָתָן וֶועגִין . עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִיא וואוּנְדִין פוּן דֶעם גוּטֶען פְרַיינְד זֶענְען גִיטְרַיי אוּנ זַייא זֶענֶען בֶּעסֶער וִויא דִיא פִיל קוּשֶׁען פוּן דֶעם שׂוֹנֵא . דִיא קְלָלָה וָואס אֲחִיָּה הַשִּׁילוֹנִי הָאט גִיפְלוּכְט דִיא יוּדִין אִיז בֶּעסֶער וִוי דִיא בְּרָכָה וָואס בִּלְעָם הָאט גִיבֶּענְשְׁט דִיא יוּדִין . אֲחִיָּה הַשִּׁילוֹנִי הָאט גִיפְלוּכְט דִי יוּדִין מִיט אַשְׁטֶעקִין . אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט וֶועט שְׁלָאגִין דִיא יוּדִין אוּנ זַייא וֶועלִין זִיךְ שָׁאקְלֶען אַזוֹי וִויא עֶס שָׁאקִילְט זִיךְ אַשְׁטֶעקִיל אִין וַואסֶער . אַזוֹי וִויא דֶער שְׁטֶעקִיל וַואקְסְט נֶעבִּין וַואסֶער . אַז מֶען בְּרֶעכְט אִים אָפּ וַואקְסְט עֶר אוֹיף צוּרִיק . אוּנ דִיא וָוארְצְלֶען זַיינֶע זֶענֶען

שקנה: אינו עומד במקום מים. והאי דכתיב כארזים עלי מים שכינה היא דאמרה דאילו אמר כארזים לומר שאין עומדין במקום מים אמרה שכינה עלי מים וכן כולהו מפרש להו בהגדות בכי האי גוונא כנחלים נטיו הוא אמר כנחלים פוסקים לפעמים יצתה בת קול אמרה נטיו. הוא אמר כגנות אמרה בת קול עלי נהר. הוא אמר כאהלים יצתה בת קול אמרה נטע ה': רוח דרומית. קשה: לא עמנו היית באותה עצה. שגזר פרעה כל הבן הילוד היאורה בתמיה ודאי היית כדלקמן: ומי הושיבך אצל איתני עולם. שעתידין בניך לישב בלשכת הגזית והיינו דכתיב איתן מושבך וגו' בין איתני עולם אתה יושב מי הזקיקך לכך: מכמו אל. כשמשים הקב"ה פדיון לעמו ויתלם גמול לצדיקים

הרוחות שבעולם באות ונושבות בו אין מזיזות אותו ממקומו אלא הוא הולך ובא עמהן כיון שדממו הרוחות עומד הקנה במקומו אבל בלעם הרשע ברכם בארז מה ארז זה אינו עומד במקום מים ושרשיו מועטין ואין גזעו מחליף ואפילו כל הרוחות שבעולם באות ונושבות בו אין מזיזות אותו ממקומו כיון שנשבה בו רוח דרומית מיד עוקרתו והופכתו על פניו ולא עוד אלא שזכה קנה ליטול ממנו קולמוס לכתוב בו ספר תורה נביאים וכתובים:

וירא (במדבר כד) את הקיני וישא משלו א"ל בלעם ליתרו קיני לא היית עמנו באותה עצה מי הושיבך אצל איתני עולם והיינו דאמר ר' חייא בר אבא א"ר שמלאי שלשה היו באותה עצה אלו הן בלעם איוב ויתרו בלעם שיעץ נהרג איוב ששתק נידון ביסורין ויתרו שברח זכו בני בניו וישבו בלשכת הגזית שנאמר (ד"ה א ב) וממשפחות סופרים יושבי יעבץ תרעתים שמעתים סוכתים המה הקינים הבאים מחמת אבי בית רכב וכתיב

פיל אונ אפילו אלע ווינטען פון דער וועלט וועלין קומען אונ בלאזין אויף איהם וועלין זייא איהם ניט רירען פון ארט נאר ער גייט מיט דעם ווינט. טרייבט איהם דער ווינט אין מזרח בייגט ער זיך אין מזרח. טרייבט איהם דער ווינט אין מערב בייגט ער זיך אין מערב. אונ אזוי אין יעדער זייט; אונ אז דיא ווינטען ווערין שטיל בלייבט דער שטעקיל שטיין אויף זיין ארט. צו דעם שטעקיל האט אחיה געגליכען יודין ווען ער האט זייא גיפלוכט. אבער דער רשע בלעם האט זייא גיבענשט מיט א טענען בוים. אזוי וויא דער טענען בוים שטייט ניט נעבין וואסער. אונ זיינע ווארצלען זענען ווייניג. אונ אז מען האקט אפ פון איהם א שטיקיל וואקסט ניט צוריק. אונ אפילו אלע ווינטען פון דער וועלט וועלין קומען אונ בלאזין אין איהם וועלין זייא איהם ניט רירען פון ארט; אבער וויא דער דרום ווינט קומט אונ בלאזט אויף איהם רייסט ער איהם באלד אויס אונ ער קערט אים אום מיטען פנים אראפ. צו דעם טענען בוים הט בלעם געגליכען יודין. זייא זאלין אויך אזוי זיין. ווען ער האט זייא גיבענשט. אונ נאך א בעסערונג איז דא אין דיא קללה פון אחיה השילוני. אונ אפילו דער שטעקיל ווערט אמאהל אויס געריסען פון זיין ארט. ווערט ער גנומען צו א היילינגע זאך ווארום דער שטעקיל האט זוכה גיוועזען מען זאל מאכען פון איהם א פענע צו שרייבען מיט איהם א ספר תורה אונ נביאים אונ כתובים. אזוי יודין אפילו זייא זענען אויס געריסען גיווארין פון זייער ארט פון ארץ ישראל אונ זייא זענען גיקומען אין גלות פון דעסטוועגין זענען זייא היילינג אונ לערנען תורה:

ק ויַרא. בלעם האט גיזעהן דעם קיני האט ער אויף גיהויבין זיין משל וקיני אין יתרו האט בלעם גזאגט צו יתרו קיני דוא ביסט דאך גיוועזען מיט אונז אין דיא עצה וואס פרעה האט גוזר גיוועזען מען זאל דיא יודישע קינדער ווארפען אין טייך; ווער האט דיך גיזעצט צווישען דיא שטארקסטע פון דער וועלט. וויא אזוי קומסטו צו זיין ביי דיא יודין. דאס איז וואס רבי חייא בר אבא הט גזאגט פון רבי שמלאים וועגין. דריי מענטשין זענען גיוועזען אין די עצה מען זאל דיא יודישע קינדער ווארפען אין טייך. בלעם אונ איוב אונ יתרו. בלעם וואס ער האט א עצה גיגעבין מען זאל דיא קינדער ווארפען אין וואסער. איז ער גיהרגת גיווארין; איוב וואס ער האט געשוויגען איז ער גישטראפט גיווארין מיט יסורים. יתרו וואס ער איז אנטלאפין האבען זיינע אייניקלאך זוכה גיוועזען צו זיצען אין לשכת הגזית מיט דיא סנהדרין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אונ דיא משפחות סופרים דיא זיצער יעבץ תרעתים שמעתים

וכתי' (שופטים א) ובני קני חותן משה עלו מעיר התמרים. (במדבר כד) וישא משלו ויאמר אוי מי יחיה משמו אל אר"י אוי לה לאומה שתמצא בשעה שהקב"ה עושה פדיון לבניו מי מטיל כסותו בין לביא ללביאה בשעה שנזקקין זה עם זה. (שם) וצים מיד כתים אמר רב ליבון אספי"ר (שם) וענו אשור וענו עבר עד אשור קטלו מיקטל מכאן ואילך משעבדי שעבודי:

(במדבר כד) **הא הנני** הולך לעמי לכה איעצך אשר יעשה העם הזה לעמך עמך לעם הזה מיבעי' ליה אמר ר' אבא בר כהנא כאדם שמקלל את עצמו ותולה קללתו באחרים א"ל אלהיהם של אלו שונא זמה הוא והם מתאוים לכלי פשתן בוא ואשיאך עצה עשה להן קלעים והושיב בהם זונות

לעתיד לבא קא משתעי: אוי לה לאומה שתמצא בשעה כשמשים ה' פדיון לבניו. אוי לה לאומה שהיה באותן הימים שיעלה על דעתן לשעבד את ישראל: מי מטיל כסות בין לביא וכו'. לשעבדן בלא יזדקקו זה לזה דמשוכן הוא כלומר מי הוא שיכול לשעבד את ישראל והקב"ה משגיחם: ציים. ספינות גדולות כמו וצי אדיר בל יעברנו: מיד כתים אמר רב ליבון אספי"ר. כתים היינו מקום ששמו כך: עד אשור מיקטל קטלי. (כתיים ארמים) מאשור ואילך משעבדי להו בשעבוד: וציים מיד כתים וענו אשור. דקטלי להו וענו עבר דמשעבדי להו: עד אשור. כלומר אותן האומות שמביא הקב"ה בלים שעתידים להרוג את כל האומות עד אשור ומאשור ואילך מניחין אותם ומשעבדין בהם ולעתיד קא מיירי:

הן הנה היו לבני ישראל ל"ג אלא הכי גרסינן הנני הולך לעמי לכה איעצך אשר יעשה העם הזה לעמך לעם הזה מיבעי ליה. שהשיא עצה לבלק שנכשלו בה ישראל הן הנה היו לבני ישראל בדבר בלעם: ותולה קללתו בחבירו. כך בלעם

ס'כתים דאס זענען דיא קינים וואס זענען געקומען פון חמת דער פאטער פון בית רכב. זעהן מיר אז דיא קינים זענען געווארין פון רכב. אונ צו דיא קינדער פון רכב האט גאט צו גזאגט אז זייא וועלין זיצען צווישען דיא סנהדרין: אונ עס שטייט אין פסוק דיא קינדער פון קיני דער שווער פון משה זענען אויף געגאנגען פון עיר התמרים. זעהן מיר אז קיני איז יתרו דער שווער פון משה. זענען דאך דיא איינקלאך פון יתרו וואס זייא זענען אויך דיא איינקלאך פון רכב] געזעסין צווישען די סנהדרין:

עס שטייט אין פסוק בלעם האט אויף געהויבען זיין משל אונ האט גזאגט ווייא ווער וועט לעבין משמו אל. ווען גאט וועט טאהן. רבי יוחנן זאגט ווייא וועט זיין צו דעם פאלק וואס וועט געפונען ווערין אויף דער וועלט ווען גאט וועט מאכען אאויס לייזונג צו זיינע קינדער. אונ ער וועט זייא וועלין פאר האלטען אונ ניט ארויס לאזין פון גלות. ווער וועט אריין ווארפען זיין קלייד צווישען דעם לייב אונ זיין נקבה ווען זייא ווילען זיך בהעפטין איינם צו דאס אנדערע. דער מענטש וואס לאזט זייא ניט זיך בהעפטין איז געווים אין א סכנה. אזוי דיא פאלק וואס וועט ניט לאזין גאט זאל זיך בהעפטין מיט דיא יודין וועט דיא פאלק זיין אין א סכנה. אין פסוק שטייט וצים מיד כתים. ש יפען וועלין גיין פון כתים. וועמען מיינט מען כתים. רב זאגט דאס איז ליבון אספיר [דאס איז אזוי א ארט וואס הייסט ליבון אספיר]. מען וועט פייניגען אשור אונ מען וועט פייניגען עבר. דיא פעלקער וואס גאט וועט זייא ברייננגען אויף דיא שיפען וועלין זייא הרגנן אלע פעלקער ביז אשור. אונ דיא פעלקער וואס וואוהנען פון אשור אונ ווייטער וועלין זייא ניט הרגנן נאר זיי וועלין ארבעטין מיט זייא ווי מיט קנעכט:

קא הנני. בלעם האט גזאגט צו בלק איך גיי צוא מיין פאלק גיי איך וועל דיר א עצה געבין וואס דאס פאלק וועט טאהן צו דיין פאלק. פרעגט דיא גמרא עס דארף דאך שטיין וואס דיין פאלק וועט טאהן צו דעם פאלק. ווארום דיא יודין האבען צו מואב גאר ניט גיטאהן נאר פאר קערט מואב האט גי טאהן צו די יודין. הט רבי אבא בר כהנא גזאגט אזוי ווי א מענטש וואס דארף זיך פלוכין אונ ער וויל זיך ניט פלוכין זאגט ער דיא קללה אויף איין אנדערין. אזו האט דער פסוק ניט געוואלט זאגן דאס שלעכץ אויף יודין. האט ער גזאגט דאס שלעכץ אויף מואב. בלעם האט גזאגט צו בלק דער גאט פון יודין האט פיינט מען זאל מזנה זיין. אונ די יודין גלוסטין זייער צו קויפען ליינוואנדענע קליידער. קום וועל איך דיר געבין א עצה. דוא זאלסט מאכען אויף דיא גאסען געצעלטין [פאלאטקעס]. אונ אין דיא געצעלטין זאלען זיצען זונות. אאלטע אשה זאל זיצען אויס ווייניג געבין געצעלט אונ א יונגע זאל זיצען אינוויינינג אין געצעלט.

זונות זקנה מבחוץ וילדה מבפנים וימכרו להם כלי פשתן עשה להם קלעים מהר שלג עד בית הישימון והושיב בהן זונות זקנה מבחוץ וילדה מבפנים ובשעה שישראל אוכלים ושותים ושמחים ויוצאים לטייל בשוק אומרת לו הזקנה אי אתה מבקש כלי פשתן זקנה אומרת לו בשוה וילדה אומרת בפחות ב' וג' פעמים ואחר כך אומרת לו הרי אתה כבן בית שב ברור לעצמך וצרצורים של יין עמוני מונח אצלה ועדיין לא נאסר יין של עכו"ם אמרה לו רצונך שתשתה כוס של יין כיון ששתה בער בו אמר לה השמיעי לי הוציאה יראתה מתוך חיקה אמרה לו עבוד לזה אמר לה הלא יהודי אני אמרה לו ומה איכפת לך כלום מבקשים ממך אלא פיעור והוא אינו יודע שעבודתה בכך ולא עוד אלא שאיני מניחתך עד שתכפור בתורת משה רבך שנאמר (הושע ט) המה באו בעל פעור וינזרו לבשת ויהיו שקוצים כאהבם:

וישב

לא רצה לקללם שתלוה זו בבלק היתה הוא צריך לבקש עצה היאך יכשלו ישראל אלא בישראל תלה התפלות לומר שהם צריכים לעצה שיכשלו בה בני מואב שלא תתקוף יד מואב על ישראל והיינו דכתיב אשר יעשה העם הזה לעמך מ"ר. ל"א ותולה קללתו בתכנו כלומר שתלה הכתוב קללה במואב ולא רצה לכתוב כלפי ישראל כמ"ש בנאם הרשע: קלעים. אהלים של קלעים כמו שעושים בשוקים: בערבות מואב מהר שלג. שניר: כשהיה אומר לה. ישראל כלי פשתן זה בכמה (נקנה) זקנה אומרת לו דמי שויו וילדה אומרת לו בפחות מכדי שויו וכן עושין עד ב' או ג"פ: ברור לעצמך. כל הכליים שאתה רוצה: צרצורים. נאדות: בער בו. היה מתגבר ובער בו יצה"ר: השמיעי. הוי מוטעת להשמיעם: פיעור. כך היתה עבודתו של פעור שמתריזין לפניו. ה"ג כלום מבקשין ממך אלא פיעור והוא עושה ושוב אומרת לו כפור בתורת משה רבך והוא עושה: וינזרו לבשת.. כגו מדרכם והלכו אחר הבשת: כאהבם. מתוך תאות אהבתם לזנות היו משוקעים בכופרים בהקב"ה:

אונ דיא ווייבער זָאלֶן הָאבֶּען צוּ פַאר קויפֶען לֵיינוואַנְדֶענֶע קְלֵיידֶער . הָאט בָּלָק גִימַאכְט גִיצֶעלְטִין פון דעם בַּארג וואס אויף אִיהם לִיגְט אֵייבִּיג שְׁנֵייא בִּיז דֶעם אָרְט בֵּית הַיְשִׁימוֹן . אונ אִין דיא גִיצֶעלְטִין הָאט ער אַרַיין גִיזֶעצְט זונות . אוים ווייניג גֶעבִּין גִיצֶעלְט איז גִיזֶעסְן אַאַלְטֶע אִשָּׁה . אונ אִינְוֶוייניג אִין גִיצֶעלְט איז גִיזֶעסֶן אַיוּנְגֶע אִשָּׁה. אונ וֶוען דיא יודין הָאבֶּען גִיגֶעסֶען אונ גִיטְרוּנְקֶען אונ זֶענֶען גִיוֶוען פְרֵיילַאךְ אונ זֶענֶען אַרוים גִיגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירֶען אִין גַאס . הָט דִיא אַלְטֶע אִשָּׁה גִיפְרֶעגְט דֶעם יודין טָאמֶער דַארְפְסְטוּ קויפֶען לֵיינְוואַנְדֶענֶע קְלֵיידֶער אִיז דֶער יוד גִיגַאנְגֶען קויפֶען . דִיא אַלְטֶע אִשָּׁה הָאט גִיוואלְט פַאר דִיא קְלֵיידֶער וויא פִיל זֵייא זֶענֶען ווערְט גִיוֶוען . אונ דִיא יוּנְגֶע אִשָּׁה הָאט גִיוואלְט ווייניגֶער גֶעלְט וויא עֶס אִיז ווערְט גִיוֶוען אונ אַזוֹ הָאבֶּען זֵייא גִירֶעט צְווִישֶׁען זִיךְ צְווייא דְרֵייא מָאהל . דֶער נָאךְ הָאט דִיא אִשָּׁה גִיזָאגְט צום יודין דוא בִּיסְט דָאךְ שׁוֹין דָא אַזוי וויא אַשְׁטוּב מֶענְטְשׁ . זיין דָא אַבִּיסֶל אונ קְלוֹיבּ דִיר אוים וואס דוא פַאר לַאנְגְסְט . אונ פְלֶעשֶׁער מִיט ווַיין פון עַמוֹן זֶענֶען דָארְט גִישְׁטַאנֶען . אונ גוישֶׁער ווַיין אִיז הַאמָאלְס נָאךְ נִיט אָסוּר גִיוֶוען צוּ אַיוּדִין צוּם טְרִינְקֶען . הָאט דִיא אִשָּׁה גִיזָאגְט צום יודין טָאמֶער ווילְסְטוּ טְרִינְקֶען אַגְלָאז ווַיין . וויא דֶער יוד הָט אוים גֶעטְרוּנְקֶען דיא גְלָאז ווַיין אונ אִיז שִׁיכּוֹר גִיוָוארִין הָאט בַּאלְד אָן גִיהוֹיבֶּען דֶער יֵצֶר הָרָע צוּ בְּרֶענְעֶן אִין אִיהם עֶר זָאל מְזַנֶּה זַיין . הָט דֶער יוד גִיזָאגְט צוּ דִיא אִשָּׁה זַיי מִיט מִיר מְזַנָּה . הָט דִיא אִשָּׁה אַרוים גֶענוּמֶען אִיר גָאט פון קֶעשֶׁענֶע אונ הָאט גִיזָאגְט צום יודין דִין צוּ דֶעם גָאט . הָאט דֶער יוד גִיזָאגְט צוּ דִיא אִשָּׁה אִיךְ בִּין דָאךְ אַיוּד . טָאר אִיךְ דָאךְ נִיט דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה . הָאט דִיא אִשָּׁה גִיזָאגְט צוּא אִיהם וואס הַארְט דִיךְ מִיר פֶערלַאנְגֶען נִיט מֶער פון דִיר נָאר דוא זָאלְסְט דִיךְ אויף דֶעקְקִין פַאר דִיא עֲבוֹדָה זָרָה אונ פון דִיר זָאל אַרוים גֵיין צוֹאָה . אונ דֶער יוד טוּהט אַזוי וָוארוּם עֶר וַויים גָאר נִיט אַז אַזוי דִינְט מֶען צוּ דִיא עֲבוֹדָה זָרָה . דֶער נָאךְ זָאגְט זִיא צוּ אִיהם אִיךְ וֶועל דִיךְ נִיט אַוֶועק לָאזִין בִּיז דוּ וֶועסְט לֵייקֶענֶען דִיא תּוֹרָה פון דיין רֶבִּי משֶׁה . אַזוי וויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִיא יוּדִין זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ דִיא עֲבוֹדָה זָרָה בַּעַל פְּעוֹר אונ זֵייא הָאבֶּען זִיךְ אָפּ גִישֵׁיידְט פון גוּטֶען וֶועג אונ זֶענֶען גִיגַאנְגֶען צוּא דִיא שֶׁענְדְלִיכֶע עֲבוֹדָה זָרָה אונ זֵייא הָאבֶּען זִיךְ פַאר מִיאוּסְט דוּרךְ זֵייעֶר לִיבְשַׁאפְט צוּ מְזַנֶּה זַיין:

(במדבר כה) קב וישב ישראל בשטים ר' אליעזר אומר שטים שמה רבי יהושע אומר שנתעסקו בדברי שטות (שם) ותקראן לעם גו' ר' אליעזר אומר ערומות פגעו בהן ר' יהושע אומר שנעשו כולם בעלי קריין מאי לשון רפידים רבי אליעזר אומר רפידים שמה ר' יהושע אומר שריפו עצמן מדברי תורה שנאמר (ירמיה מז) לא הפנו אבות אל בנים מרפיון ידים. א"ר יוחנן כל מקום שנאמר וישב אינו אלא לשון צער שנאמר (במדבר כה) וישב ישראל בשטים ויחל העם לזנות (בראשית לז) וישב יעקב בארץ מגורי אביו ויבא יוסף את דבתם רעה (שם מז) וישב ישראל בארץ מצרים ויקרבו ימי ישראל למות (מ"א ד) וישב יהודה וישראל לבטח איש תחת גפנו וגו' (שם יא) ויקם ה' שטן לשלמה וגו':

(במדבר לא) קג ואת מלכי מדין הרגו על חלליהם וגו' ואת בלעם בן בעור הרגו בחרב בלעם מאי בעי התם אמר רבי יוחנן שהלך ליטול שכר עשרים וארבעה אלף שהפיל מישראל אמר

רב

ותקראן בגופן [משמע. וה"ד] לשון מקרא: מאי רפידים. איידי דלעיל אפליגו ביה רבי אליעזר ורבי יהושע במשמעות דשטים נקיט נמי רפידים דפליגו ביה בהש"ג: לא הפנו אבות אל בנים. להיטיב להם: מפני רפיון ידים. של תורה ומצות והכי נמי רפידים רפיון ידים הוא כלומר מפני שרפו מד"ת בא עליהם עמלק:

(עיון יעקב) כל מקום שנאמר וישב אינו אלא לשון צער. אע"פ דלשון וישב משמע לשון ישיבה בשלוה ובטח. מכל מקום זו גורם שהשטן מקטרג על שרצה לישב בשלוה ונולד ממנו צער. וכדאיתא במדרש ריש פרשה וישב יעקב עיין שם בפירוש רש"י בחומש. והא דלא מייתי קרא דפרשה בראשית וישב בארץ נוד. וכן בפרשה לך לך ויש' אברהם באלוני ממרא וכתיב אחר כך ויהי בימי אמרפל וכו'. אולי יש לומר דהתם וישב בארץ נוד הי' הצער שהרג קין להבל. וישב אברהם באלוני ממרא יש לומר ויהי בימי גרם הצער כדאיתא בפרק קמא דמגילה. ועוד יש לומר והוא עיקר דכל הני דחשיב הגמרא הישיבה גרם לפי שישבו בשטים מקום שגרם הזנות. וכן וישב יעקב שביקש לישב בשלוה לכך קפץ עליו רוגזו של יוסף. וכן בשביל שישב יעקב בארץ גושן ויצא מארץ לחוץ לארץ גרם המיתה. וכן אינך. (ע"כ מעיון יעקב):

שכר כ"ד אלפים מישראל. שהרגו בעצתו הלך ליטול

קב וַיֵּשֶׁב. עס שטייט אין פסוק דיא יודין זענען גיזעסין אין שטים. רבי אליעזר זאגט דער נאמען פון דעם ארט איז גיוועזן שטים. רבי יהושע זאגט דער פסוק מיינט די יודין זענען גיזעסין אונ האבין זיך בשעפטיגט מיט נארעשקייט. עס שטייט אין פסוק ותקראנה לעם. רבי אליעזר זאגט ותקראנה איז דער טייטש טרעפין. ווען די יודין זענען אריין גיגאנגען אין די גאסין פון מואב האבין זייא גיטראפין דיא טעכטער פון מואב זענען גיגאנגען נאקעט געגין זייערע עבודה זרות אונ האבין גיטאנצט. רבי יהושע זאגט ותקראנה מיינט מען קרי. וויא די יודין האבין דער זעהן דיא שיינע טעכטער פון מואב איז פון זייא ארויס גיגאנגען קרי ושכבת זרע. וואס איז דער טייטש פון דעם ווארט רפידים. רבי אליעזר זאגט דער נאמען פון דעם ארט איז גיוועזן רפידים. רבי יהושע זאגט דער פסוק מיינט די יודין זענען גיוועזן אפגילאזין פון דער תורה. דריבער איז אויף זייא גיקומען עמלק. רפידים איז צוויי ווערטער רפ ידים. אפ גילאזין דיא הענט (פון דער תורה). אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דיא פאטערס האבין זיך ניט גיקערט צו דיא קינדער מרפיון ידים הייל זיי האבין אפ גילאזט דיא הענט פון דער תורה. רבי יוחנן זאגט וואו עס שטייט דער ווארט וישב (גיזעסין). איז דארט גיוועזן א צער. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וישב ישראל בשטים. איז גיוועזן א צער. דיא יודין האבין דארט מזנה גיוועזן. אונ עס איז גיהרגת גיווארין פון זייא פיר אונ צוואנציג טויזענד. וישב יעקב בארץ מגורי אביו. איז גיוועזן א צער. יוסף האט זיך צו קריגט מיט דיא ברידער. אונ מען האט איהם פאר קויפט. וישב ישראל בארץ מצרים. איז דארט גיוועזן א צער. יעקב איז קראנק גיווארין צום שטארבין. וישב יהודה וישראל לבטח. איז גיוועזן א צער. גאט האט אויף גישטעלט א פיינד אויף שלמה. וואס ער האט גיטאהן שלעכץ צו די יודין:

קג ואת. אונ דיא יודין האבין גיהרגת די מלכים פון מדין. אונ בלעם בן בעור האבין זיי אויך גיהרגת מיט דעם שווערד. פרעגט דיא גמרא ווי קומט איצט בלעם אין מדין. רבי יוחנן זאגט בלעם איז גיקומען נעמען שכר פאר זיין עצה. ווארום דורך זיין עצה זענען גיהרגת גיווארין פיר אונ צוואנציג טויזענד יודין. רב זוטרא בר טוביה האט גיזאגט פון רבס וועגין

מחלק ומזקני מדין : גמלא. הנע קרני כך בלעם בא שכר ונהרג : גזיזו מיניה. התכו מניה : בלעם בן בעור הקוסם. הרגו בחרב בהוא קרא ביהושע כתיב : ולבסוף. שנתן עיניו לקלל את ישראל ניטלה ממנו נבואה ונעשה קוסם : מסגני ושליטי הות. אשת סגנים ושרים היתה : איין לגברי נגרי. זינתה למושכי חבל הספינה. ליספנא אחרינא נגרי תרסים : הרגו אל חלליהם. מיתות הרבה משונע שתלאוהו והציתו אש תחת בגליבה והתכו ראשו ונפל לתוך האש. תליה היינו חנק. התיכת הראש הרג. כשנפל לארץ סקילה. וכשנפל לאור שרפה :
שמא יצא זה לתרבות רעה לאחר שיצא. לתרבות רעה אמר וי להכי כתיב דויג : אמר לו הקב"ה לדואג. והלא גבור אתה בתורה למה תתהלל לספר לשון הרע על דוד : לא חסד. תורה עליך לא חכם בתורה אתה דכתיב ותורת חסד על לשונה : מרצחים : שהרג נוב : עלי פיך. ולא

רב זוטרא בר טוביה אמר רב היינו דאמרי אינשי גמלא אזל למיבעי קרני אודני דהוו ליה גזיזו מיניה. (יהושע יג) ואת בלעם בן בעור הקוסם קוסם נביא הוא אמר רבי יוחנן בתחלה נביא ולבסוף קוסם אמר רב פפא היינו דאמרי אינשי מסגני ושליטי הות אייזן לגברי נגרי. (שם ע"ב) (יהושע יג) הרגו בני ישראל בחרב אל חלליהם אמר רב שקיימו בו ארבע מיתות סקילה שרפה הרג וחנק:

כד כתיב (ש"א כב) דואג וכתיב דויג אמר רבי יוחנן בתחלה ישב הקב"ה ודאג שמא יצא זה לתרבות רעה לאחר שיצא אמר וי שיצא זה. אמר רבי יצחק מאי דכתיב (תהלים נב) מה תתהלל ברעה הגבור חסד אל כל היום א"ל הקב"ה לדואג לא גבור בתורה אתה מה תתהלל ברעה לא חסד אל נטוי עליך כל היום. ואמר רבי יצחק מאי דכתיב (שם נ) ולרשע אמר אלהים מה לך לספר חקי א"ל הקב"ה לדואג הרשע מה לך לספר חקי כשאתה מגיע לפרשת מרצחים ופרשת מספרי לה"ר מה אתה

דָאס אִיז וָואס מֶענטְשִׁין זָאגִין דֶער קֶעמִיל אִיז אַמָאהל גִיקוּמֶען בֶּעטִין מֶען זָאל אִיהם גֶעבִּין הֶערְנֶער. הָאט מֶען אִיהם אָפּ גֶעשְׁנִיטֶען זַיינֶע אוֹעֶרִין. בִּלְעָם אִיז גֶעקוּמֶען בֶּעטֶען שָׂכָר. הָאט מֶען אִיהם גִיהַרְגֶעת. עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק בִּלְעָם בֶּן בְּעוֹר הַקוֹסֵם (דֶער מְכַשֵׁף). אִיז דֶען בִּלְעָם גִיוֶועֶן אַמְכַשֵּׁף. עֶר אִיז דָאךְ גִיוֶועֶן אַנָבִיא. הָאט רַבִּי יוֹחָנָן גִיזָאגְט אִין אָנְהֵייבּ אֵיידֶער עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען פְלוּכִין דִי יוּדִין אִיז עֶר גִיוֶועֶן אַנָבִיא. דֶער נָאךְ וִויא עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען פְלוּכִין דִיא יוּדִין אִיז פוּן אִיהם צוּ גִינוּמֶען גִיוָוארִין דִיא נְבִיאוֹת אוּנ עֶר אִיז גִיוָוארִין אַמְכַשֵּׁף. רַב פָּפָּא זָאגְט דָאס אִיז וָואס מֶענטְשִׁין זָאגִין דִיא וַוייבּ פוּן אַגְרוֹיסֶען שַׂר אוּנ אַגִיוֶועלְטִיגֶער הָאט זִי מְזַנֶה גִיוֶועֶן מִיט אַסְטָאלַאר. פְרִיעֶר אִיז עֶר גִיוֶועֶן אַנָבִיא אוּנ אִיצְט אִיז עֶר גִיוָוארִין אַמְכַשֵּׁף. עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִיא יוּדִין הָאבִּין גִיהַרְגֶעת בִּלְעָם מִיט אַשְׁוֶוערְד אוֹיף זֵייעֶרֶע דֶער שְׁלָאגֶענֶע. רַב זָאגְט דִיא יוּדִין הָאבִּין מְקַיֵים גִיוֶועֶן אוֹיף בִּלְעָם פִיר עֶרְלֵיי מִיתוֹת. סְקִילָה שְׂרֵפָה הֶרֶג חֶנֶק. זֵייא הָאבִּין אִיהם גִיהָאנְגֶען. דָאס אִיז חֶנֶק. אוּנטֶער אִיהם הָאבִּין זֵיי אָנְגִיצוּנְדֶען אַפֵייעֶר. אִיז שְׂרֵפָה. זֵיי הָאבִּין אָפּ גִיהַאקְט זַיין קָאפּ מִיט אַשְׁוֶוערְד. אִיז הֶרֶג. אוּנ מֶען הָאט אִיהם אַרָאפּ גִיוָוארְפִין אוֹיף דִי עֶרְד. דָאס אִיז סְקִילָה:

כד כְּתִיב. אַמָאהל שְׁטֵייט דוֹאֵג מִיט אַאלֶ"ף. אוּנ אַמָאהל שְׁטֵייט דוֹיֵג מִיט אַיוּ"ד. רַבִּי יוֹחָנָן זָאגְט אִין אָנְהֵייבּ אִיז גָאט גִיזֶעסִין אוּנ הָאט גִיזָארְגְט טָאמֶער וֶועט דֶער מֶענטְשׁ וֶוערִין אַרָשָׁע. דְרִיבֶּער הָאט מֶען אִיהם גֶערוּפִין דוֹאֵג. וָוארוּם דוֹאֵג אִיז דֶער טַייטְשׁ זָארְגִין. דֶער נָאךְ וִויא עֶר אִיז שׁוֹין גִיוָוארִין אַרָשָׁע. הָאט גָאט גִיזָאגְט וַוי. אַשָׁאד וָואס דֶער מֶענטְשׁ אִיז גִיוָוארִין אַרָשָׁע. דְרִיבֶּער שְׁטֵייט דוֹיֵג מִיט אַיוּ"ד. דִיא מִיטֶעלֶע אוֹתִיוֹת זָאלִין מַאכִין וַוי. רַבִּי יִצְחָק זָאגְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וָואס לוֹיבְּסְטוּ דִיךְ מִיט דִיא שְׁלֶעכְץ. דֶער חֶסֶד פוּן גָאט אִיז אַגַאנְצִין טָאג. גָאט הָאט גִיזָאגְט צוּ דוֹאֵג דוּא בִּיזְט דָאךְ אַשְׁטַארְקֶער לַמְדָן אִין דֶער תּוֹרָה. פַאר וָואס לוֹיבְּסְטוּ דִיךְ מִיט דִיא שְׁלֶעכְץ. דֶער חֶסֶד פוּן גָאט (דִיא תּוֹרָה) אִיז דָאךְ אוֹיף דִיר גִינֵייגְט אַגַאנְצִין טָאג. דוּא קֶערְנְסְט דָאךְ תּוֹרָה אַגַאנְצִין טָאג. פַאר וָואס זָאלְסְטוּ טָאהן שְׁלֶעכְץ. נָאךְ הָאט רַבִּי יִצְחָק גִיזָאגְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק צוּם רָשָׁע הָאט גָאט גִיזָאגְט צוּ וָואס טוֹיג דִיר צוּ צֵיילִין מַיינֶע מִצְוֹת. גָאט הָאט גִיזָאגְט צוּם רָשָׁע דוֹאֵג צוּ וָואס טוֹיג דִיר דָאס צוּ צֵיילֶען מַיינֶע מִצְוֹת. אַז דוּ קוּמְסְט צוּא דִיא פַּרְשָׁה פוּן מְרַצְחִים (אַז מֶען טָאר נִיט הַארְגֶענִין) אוּנ אַז דוּא קוּמְסְט צוּא דִיא פַּרְשָׁה פוּן

אתה דורש בהם (שם) ותשא בריתי עלי פיך אמר ר' אמי אין תורתו של דואג אלא משפה ולחוץ. ואמר רבי יצחק מאי דכתיב (שם נב) יראו צדיקים וייראו ועליו ישחקו בתחלה ייראו ולבסוף ישחקו. ואמר רבי יצחק מאי דכתיב (איוב כ) חיל בלע ויקיאנו מבטנו יורישנו אל אמר דוד לפני הקב"ה רבונו של עולם ימות דואג אמר לו חיל בלע ויקיאנו אמר לפניו מבטנו יורישנו אל. ואמר רבי יצחק מאי דכתיב (תהלים נב) גם אל יתצך וגו' אמר הקב"ה לדוד ניתי דואג לעלמא דאתי אמר לפניו גם אל יתצך לנצח. לימרו שמעתא בי מדרשא משמיה יחתך ויסחך מאהל. ליהוי ליה בנין רבנן ושרשך מארץ חיים סלה. וא"ר יצחק מאי דכתיב (ישעיה לג) איה סופר איה שוקל איה סופר את המגדלים איה סופר כל אותיות שבתורה איה שוקל ששוקל כל קלים וחמורים שבתורה איה סופר את המגדלים שהיה סופר ג' מאות הלכות פסוקות

בלב: בתחלה יראו. הצדיקים היו יראים שלא ילמד אדם ממעשיו של דואג שהולך ותופש ומצליח: ולבסוף. כשמת בחצי ימיו ושב גמולו בראשו ישחקו: חיל בלע ויקיאנו. שמתין עד שתשכח תורתו: אמר לפניו מבטנו יורישנו אל. אל: תמתין לו עד שתשתכח אלא תמהר ותשכיחנו: בי מדרשא. מאהל זה בית המדרש: ושרשך מארץ חיים סלה. שורש שלו תכסה מארץ חיים דלא ליהוו ליה בנין רבנן: כל אותיות שבתורה. שהיה בקי בחסירות ויתרות: שוקל קלים וחמורים. יודע לדרוש בק"ו: במגדל הפורח באויר. מתג שעליונה שלמעלה מן הלמ"ד מפני מה כפופה למטה מ"ל מפני

פון לשון הרע נאז מען טאר ניט רעדין לשון הרע וואס לערונסטו דארטין. פאר וואס האסטו גיהרגת די כהנים פון נוב אונ פאר וואס האסטו גירעט לשון הרע אויף דוד המלך. דו טראגסט מיין תורה אויף דיין מויל. רבי אמי זאגט דיא תורה פון דואג איז נאר גיוועזן אויסווייניג. ער האט גילערונט תורה מיט זיין מויל אבער ניט אין הארצין. ער האט ניט מקיים גיוועזן וואס ער האט גילערונט. נאך האט רבי יצחק גיזאגט עס שטייט אין פסוק דיא צדיקים וועלען זעהן וועלען זייא מורא האבען אונ אויף איהם וועלען זייא לאכען. אין אנהייב ווען דיא צדיקים האבען גיזעהן דיא שלעכטס וואס דואג טוהט אונ ער האט גרויס הצלחה האבין זיי מורא גיהאט טאמער וועלען אנדערע מענטשען אויך ווערען רשעים. אבער דער נאך וויא זיי האבען גיזעהן אז דואג איז גישטארבען אין זיינע מיטען יאהרין. אונ גאט האט איהם גישטראפט. האבען זייא גילאכט. נאך האט רבי יצחק גיזאגט עס שטייט אין פסוק חיל בלע ויקיאנו מבטנו יורישנו אל. דוד המלך האט גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם זאל דואג שטארבען. האט גאט גיזאגט צו דוד חיל בלע ויקיאנו. דואג האט איין געשלונגען תורה. מוז מען ווארטען ביז ער וועט אויס ברעכען דיא תורה. ביז ער וועט דיא תורה פאר געסען דער נאך וועט ער שטארבען. האט דוד גיזאגט פאר גאט מען זאל ניט ווארטען ביז ער וועט אליין פאר געסען דיא תורה. נאר מבטנו יורישנו אל. גאט זאל אויף געשווינד ארויס טרייבען דיא תורה פון זיין בויך. נאך האט רבי יצחק גיזאגט עס שטייט אין פסוק גם אל יתצך. גאט האט גיזאגט צו דוד זאל דואג קומען צו עולם הבא. האט דוד גיזאגט פאר גאט גם אל אפילו דו ביזט ראך גאט וואס דוא האסט רחמנות אויף אלע מענטשען. יתצך לנצח: אבער דואג זאל צו שטויסען ווערען אויף אייביג. ער זאל ניט האבען קיין עולם הבא. גאט האט גיזאגט צו דוד זאל מען זאגען איין דין אין בית המדרש פון דואגס וועגען. האט דוד גיזאגט יחתך ויסחך מאהל. גאט זאל פאר שניידין אונ אויס רייסען דעם דואג פון דעם גיצעלט. פון בית המדרש. גאט האט גיזאגט צו דוד זאל דואג האבען קינדער זאלען זיין רבנן. האט דוד גיזאגט ושרשך מארץ חיים סלה. דוא זאלסט איהם אויס ווארצלען פון דיא לעבעדיגע וועלט אויף אייביג. נאך האט רבי יצחק גיזאגט עס שטייט אין פסוק איה סופר איה שוקל. וו איז דער ציילער ווא איז דער וועגער ווא איז דער וואס ציילט דיא טורעמס. ווא איז דער וואס האט גיציילט אלע אותיות פון דר תורה, מען זאל וויסען וויא אזוי דיא ווערטער זאלען ווערען געשריבען אין דער ספר תורה. אונ ווא איז דער וועגער וואס ער האט גיוואוגין אלע מצות פון דער תורה. וועלכע איז גרינג אונ וועלכע איז שווער. מען זאל וויסען וויא אזוי אפ צו לערנען איין דין פון אנדערען. אונ ווא איז

פסוקות במגדל הפורח באויר. א"ר אמי ד' מאות בעיי הוו בעו דואג ואחיתופל במגדל הפורח באויר ולא אפשיט להו הד אמר רבא רבותא למבעי בעיי בשני דרב יהודה כולי תנויי בנזיקין ואנן קא מתנינן בעוקצין טובא וכי הוה מטי ר"י האשה שכובשת ירק בקדרה ואמרי לה זיתים שכבשן בטרפיהן טהורין אמר הויות דרב ושמואל קא חזינא הכא ואנן קא מתנינן בעוקצין תלת סרי מתיבתא ורב יהודה שליף מסאני ואתא מטרא ואנן צוחינן וליכא דמשגח בן אלא הקדוש ברוך הוא לבא בעי דכתיב (ש"א טז) וה' יראה ללבב:

קה אמר רב משרשיא דואג ואחיתופל לא הוו סברי שמעתא מתקיף ליה מר זוטרא מאן דכתיב ביה איה סופר איה שוקל איה סופר את המגדלים ואת אמרת לא הוו סברי שמעתא אלא דלא הוה סלקא לזו שמעתתא אליבא דהלכתא דכתי' (תהלים כה) סוד ה' ליראיו. אמר רבי אמי לא מת דואג

פירוש

השמועה: ל"א במגדל הפורח באויר הנכנס לארץ העמים בשידה תיבה ומגדל אם הוא טמא אם לאו. ל"א ג' מאות הלכות במגדל הפורח באויר לעשות כישוף להעמיד מגדל באויר כגון שלשה מאות הלכות בנטיעת קישואין דאמרינן בפרקין דלעיל ולמורי נראה דה"ג ג' מאות הלכות במגדל העומד באויר ומשנה היא באהלות דמשמעי בהכי מגדל העומד וטומאה בתוכו כלים שבתוכו טמאים וכן נראה לרבי: רבותא למבעי בעיי. וללמוד תורה רחמנא לצן בפי דהא בשני דרב יהודה כולהו הוו בסדר נזיקין הוה כל התלמוד שלהן לא הוה אלא בסדר נזיקין שלא היו מרבין כל כך לדרוש: האשה שכובשת ירק בקדרה. לא אשכחתיה במסכת עוקצין: שכובשת ירק בחומץ או בציר טהורים דאין מקבלין טומאה ע"י עוקצין באם נגעה טומאה בשרשיו העלין טהורים שאין נעשה יד לעלין מאחר שכבשן שאין מניחים לשם אלא למראה: זיתים שכבשן בטרפיהן. איתא במסכת עוקצין טרפיהן עלין שלהם טהורים הזיתים שאין נעשין להם בית יד להכנים להם טומאה: הויות דרב ושמואל קא חזינא הכא. דלא הוה ידע מ"ט הם טהורים: הליכר מתיבתא. י"ג ישיבות שאנו עוסקים כולן במסכת עוקצין ויודעין אותה יפה ואפ"ה הם היו חסידים יותר ממנו דאילו רב יהודה וכו': לא סברי. לא היו יודעין הלכ' לפרשה כתקנה בטעמא: דלא הלקא להו שמעתתא כו'. שלא זכו לקבוע

דער וואס האט געציילט דיא טורעמס. ער האט געציילט דריי הונדערט דינים אין דעם טורעם וואס פליהט אין דער לופטען [אין דעם אובערשטען סטריכעלע פון למ"ד]. רבי אמי זאגט פיר הונדערט שאלות האבען דואג אונ אחיתופל גפרעגט אויף דעם טורעם וואס פליהט אין דער לופטען [אויף דעם אובערשטען סטריכעלע פון למ"ד]. אונ מען האט ניט געוואוסט צו ענפערען זייא אויף איין שאלה אויך ניט. האט רבא גזאגט איז דען אגרויסקייט צו פרעגין שאלות. אין די יאהרין פון רב יהודה איז גיוועזן דאס גאנצע לערנען נאר אין סדר נזיקין. אונ מיר לערנען נאר אין דער מסכת עוקצין אליין פיל דרשות. אונ אז רב יהודה פלעגט קומען צו דער משנה אשה וואס האט איין גיפרעסט ירק [קרויט אוגערקעס] אין אטאפ. אנדערע זאגין אז רב יהודה פלעגט קומען צו דער משנה איילבירטען וואס מען האט זייא איינגעפרעסט אין אטאפ מיט זייערע בלעטער זענען זייא טהור: האט רב יהודה ניט געוואוסט פר וואס זייא זענען טהור. אונ ער האט גיזאגט איך זעה דא אין דער משנה דיא קשיות פון רב אונ שמואל. אונ מיר לערנען אין דער מסכת עוקצין דרייצעהן ישיבות אונ מיר ווייסין דיא מסכת זייער גוט פון דעסטוועגען אז דיא וועלט האט גידארפט רעגין אונ רב יהודה האט נאר אויס גיטאהן דיא שיך אונ האט אביסעל צער גהאט איז שוין געגאנגען רעגען. אונ מיר לערנען אזוי פיל אונ אז מיר דארפין רעגען שרייען מיר אונ מען קוקט גאר ניט אויף אונזער געשרייא. אונ מען גיט אונז ניט קיין רעגין. זעהן מיר אז ניט דאס פיל לערנען איז דער עיקר. גאט וויל נאר דיא הארץ פון מענטשין, ער זאל האבען אפרומע הארץ. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט זעהט נאר דיא הארץ פון מענטשען:

קה אמר. רב משרשיא האט גזאגט דואג אונ אחיתופל האבען ניט געוואוסט צו לערנען אדין אונ איהם צו פארשטיין מיט דעם טעם פאר וואס דער דין איז אזוי. האט מר זוטרא גפרעגט צו רב משרשיא דער מענטש וואס אויף איהם שטייט ווא איז דער ציילער ווא איז דער וועגער ווא איז דער וואס ציילט דיא טורעמס [אזוי ווי עס שטייט אין פריערדיגען סימן] זאגסטו אז זיי האבען נישט פארשטאנען קיין דין. נאר אזוי זאג זיי האבין ניט זוכה גוועזן צו לערנען אזאך וויא דער דין איז. ווארום עס שטייט אין פסוק סוד ה' ליראיו. גאט זאגט זיינע סודות נאר צו דיא מענטשן

דואג עד ששכח תלמודו שנאמר (משלי ה) הוא ימות באין מוסר וברוב אולתו ישגה רב אמר נצטרע שנא' (תהלים עג) הצמת כל זונה ממך וכתיב התם (ויקרא כה) לצמיתות ומתרגמינן לחלוטין ותנן אין בין מוסגר ומוחלט אלא פריעה ופרימה. א"ר יוחנן שלשה מלאכי חבלה נזדמנו לו לדואג אחד ששכח תלמודו ואחד ששרף נשמתו ואחד שפזר עפרו בבתי כנסיות ובבתי מדרשות. וא"ר יוחנן דואג ואחיתופל לא ראו זה את זה דואג בימי שאול ואחיתופל בימי דוד. וא"ר יוחנן דואג ואחיתופל לא הצו ימיהם תניא נמי הכי (תהלים נה) אנשי דמים ומרמה לא יחצו ימיהם כל שנותיו של דואג לא היו אלא ל"ד ושל אחיתופל אינם אלא ל"ג:

הלכה כמוסגר: ומתרגמינן לחלוטין. ולא סגי לגמרי חליטה גבי מלורע:

אלופי. היינו רבי: אולל למתי. לומד הורתי:

קן וא"ר יוחנן בתחלה קראו דוד לאחיתופל רבו ולבסוף קראו חברו ולבסוף קראו תלמידו בתחלה קראו רבו (תהלים נה) ואתה אנוש כערכי אלופי ומיודעי ולבסוף קראו חברו (שם) אשר יחדו נמתיק סוד וגו' ולבסוף קראו תלמידו (שם מא) גם איש שלומי

וואס זענען פרום אונ האבען מורא פאר איהם. רבי אמי זאגט דואג איז ניט געשטארבען ביז ער האט פארגעסין זיין תורה וואס ער האט געלערנט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער וועט שטארבען אן מוסר אונ ער וועט פאר אירט ווערין דורך זיינע פיל נארעשקייט: רבי זאגט דואג איז קרעציג געווארין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק הצמת כל זונה ממך (דיא אלע וואס קערין אפ פון דיר הצמת. האסטו זייא קרעציג געמאכט). פון וואנען ווייסען מיר אז הצמת מיינט מען קרעץ: ווארום דא שטייט הצמת; אונ אין איין אנדער פסוק שטייט לצמיתות. טייטשט דער תרגום לחלוטין. ווערין מיר טייטשין הצמת אויך לחלוטין. אונ לחלוטין מיינט מען אקרעציגען. אזוי וויא מיר האבען געלערנט. אין בין מוסגר ומוחלט אלא פריעה ופרימה. (צווישען אקרעציגען וואס מען בארף איהם פאר שליסען אונ אקרעציגען וואס ער איז טמא ביז ער ווערט געזונד. איז ניט מער דא אאונטער שייד נאר געגין לאזין דיא האר וואקסען אונ דיא קליידער רייסען). רבי יוחנן זאגט דריי מלאכי חבלה זענען אנגיבער ייט געווארין צוא דואג; איינער האט איהם געמאכט פארגעסין זיין לערנען. אונ איינער האט פאר ברענט זיין נשמה. אונ איינער האט פאר שפרייט זיין אש אין דיא שולען אונ אין דיא בתי מדרשים. נאך האט רבי יוחנן געזאגט דואג אונ אחיתופל האבען ניט געזעהן איינער דעם אנדערין. ווארום דואג איז געוועזן אין דיא צייט פון שאול. אונ אחיתופל איז געוועזן אין דיא צייט פון דוד: נאך האט רבי יוחנן געזאגט דואג אונ אחיתופל האבען ניט געלעבט דיא העלפט יאהרין וויא זייא האבען גידארפט לעבין. מיר האבען אויך אזוי גילערנט דיא מענטשין וואס פאר גיסען בלוט אונ די פאלשע מענטשין וועלין ניט לעבין דיא העלפט פון זייערע יאהרין (אמענטשינס לעבין רעכונט מען זיבעציג יאהר. דיא העלפט איז פינף אונ דרייסיג יאהר. אונ דואג מיט אחיתופל האבען ניט גילעבט צו פינף אונ דרייסיג יאהרן). נאר דואג האט גילעבט פיר אונ דרייסיג יאהר. אונ אחיתופל האט גילעבט דריי אונ דרייסיג יאהר.

קן ואמר. נאך האט רבי יוחנן געזאגט אין אנהייב האט דוד גירופען צו אחיתופל רבי. דער נאך האט ער איהם גירופען חבר: דער נאך האט ער איהם גירופען תלמיד. אין אנהייב האט ער איהם גירופען רבי אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוד האט געזאגט צו אחיתופל דוא ביסט אמענטש אין מיין גלייכען דו ביסט אלופי ומיודעי (מיין רבי אונ מיין פריינד). דער נאך האט דוד איהם גירופען חבר אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוד האט געזאגט צוא אחיתופל מיר וועלין צו זאמען האלטען אעצה. זענען זייא געוועזן ביידע גלייך. דער נאך האט דוד איהם גירופען תלמיד אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוד האט געזאגט אויף אחיתופל דער מענטש וואס איך האב

שהפך משכבו וכו' שהיה משמש מטתו ביום כדי שלא יתרהר אחר אשה כל היום: ונתעלמה ממנו הלכה. שהמשביע אבריו בתשמיש רעב ומרעבה שבוע: פ"ג ויתהלך על גג. ול"ג והיינו: הלתא. כוורת: פתק בה גירא. זכיורת כלומר שהכה בה ושברה לגון אחר פתחה שברה ונפתחה:

של מי אשר בטחתי בו אוכל לחמי וגומר:

קז אמר (דף קז) רב יהודה אמר רב לעולם אל יביא אדם עצמו לידי נסיון שהרי דוד מלך ישראל הביא עצמו לידי נסיון ונכשל אמר לפניו רבונו של עולם מפני מה אומרים אלהי אברהם אלהי יצחק ואלהי יעקב ואין אומרים אלהי דוד אמר אינהו מינסו לי את לא מינסית לי אמר לפניו רבש"ע נסני שנאמר (תהלים כו) בחנני ה' ונסני א"ל מינסא לך ועבידנא מלתא בהדך דלדידהו לא הודענא ואילו אנא קא מודענא לך דמנסינא לך בדבר ערוה מיד (ש"ב יא) ויהי לעת הערב ויקם דוד מעל משכבו וגו' אמר רב יהודה שהפך משכבו של לילה למשכבו של יום ונתעלמה ממנו הלכה אבר קטן יש באדם משביעו רעב ומרעיבו שבע (היינו דכתיב) (שם ג) ויתהלך על גג בית המלך וירא אשה רוחצת מעל הגג והאשה טובת מראה מאד בת שבע הות קא חייפה רישה תותי חלתא אתי שטן אידמי ליה כצפרתא פתק ביה גירא פתקה לחלתא אגליה וחזייה מיד

גימיינט אז ער איז מיט מיר שלום. וואס איך האב מיך פאר זיכערט אויף אים. וואס ער עסט מיין ברויט וואס ער לערונט מיין תורה:

קז אמר. רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין אמענטש זאל זיך ניט ברייננגען צוא אעבירה ער זאל זיך פרובין צו שטארקן אויף דעם יצר הרע. טאמער וועט ער זיך ניט קענען שטארקין אויף דעם יצר הרע וועט ער דער ווייל טאהן די עבירה. ווארום דוד המלך האט זיך גיברייננגט צו אעבירה אונ ער האט אויך גימיינט ער וועט זיך קעגען שטארקין אויף דעם יצר הרע. אונ ער האט זיך ניט גיקענט שטארקין אונ האט גיטאהן אעבירה. ווארום דוד האט גזאגט פאר גאט רבונו של עולם פאר וואס זאגט מען אלהי אברהם אלהי יצחק ואלהי יעקב אונ מען זאגט ניט אלהי דוד. האט גאט גזאגט צו דוד זייא האב איך גיפרובט אונ האב גיזעהן אז זייא קענען זיך שטארקין אויף דעם יצר הרע. דיך האב איך ניט גיפרובט. האט דוד גזאגט פאר גאט רבונו של עולם פרוב מיך אויך; אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נאט פרוב מיך. האט גאט גזאגט צו דוד איך וועל דיך פרובין. אונ איך וועל דיר טאהן אטובה. זייא האב איך ניט גזאגט מיט וואס איך וועל זייא פרובין אונ דיר זאג איך מיט וואס איך וועל דיך פרובין. מיט זנות. באלד האט איהם גאט גיפרובט. עס איז גיוועזן פארין נאכט איז דוד אויף גישטאנען פון זיין גילעגער. רב יהודה זאגט דוד הט גיטאהן פאר קערט. דעם גילעגער פון בייא נאכט האט ער גימאכט ביי טאג. ווייל גאט האט איהם גזאגט ער וועט איהם פרובין מיט זנות: הט דוד זיך גיוואלט זאט מאכען מיט תשמיש המטה. דריבער איז ער ביי טאג גישלאפען מיט זיינע ווייבער. ער זאל ניט גלוסטין צו אנדערע. ער זאל קענען בשטיין ביי די פראבע. ער הט אבער פאר געסין דעם דין דאס קליינע גליד פון מענטשין (די מילה) אז ער מאכט איהם זאט מיט תשמיש הכתה איז ער הונגעריג. וויל ער נאך מער. אונ אז ער מאכט איהם הונגעריג. ער גיוואהנט זיך אפ פון תשמיש המטה. איז ער זאט. אונ ער גלוכט גאר ניט. אונ דוד איז גיגאנגען שפאצירען אויף דעם דאך פון דאס קעניגליכע הויז. אונ ער האט גיזעהן פון דאך וויא אאשה וואשט זיך. אונ די אשה איז גיוועזן זייער אשיינע. זיא האט גידייסען בת שבע, אונ זיא האט גיקעמט דעם קאפ אונטער אבינשטאק. האט דוד ניט גיקענט איר אזוי גוט זעהן. איז גיקומען דער שטן אונ האט זיך פאר שטעלט פאר אפייגעלע. הט דוד גיווארפען אפייל צו שיסען די פייגעלע. דער ווייל האט די פייל אומגיווארפען דעם בינשטק איז בת שבע עירעקט גיווארין אונ ער האט איר גיזעהן. האט דוד באלד געשיקט פרעגין ווער די אשה איז. האט מען איהם גזאגט דאס איז בת שבע די טאכטער פון אליעם

מיד (שם) וישלח דוד וידרוש לאשה ויאמר הלא זאת בת שבע בת אליעם אשת אוריה החתי וישלח דוד מלאכים ויקחה ותבא אליו וישכב עמה והיא מתקדשת מטמאתה והיינו דכתיב (תהלים יז) בחנת לבי פקדת לילה צרפתני בל תמצא זמותי בל יעבר פי אמר איכו זממא נפל בפומיה דמאן דסני לי ולא אמר כי הא מלתא:

קח דרש רבא מ"ד (תהלים יא) למנצח לדוד בה' חסיתי איך תאמרו לנפשי נודי הרכם צפור אמר דוד לפני הקב"ה רבש"ע מחול לי על אותו עון שלא יאמרו (הרשעים) הר שבכם צפור נדדתו. דרש רבא מ"ד (שם נא) לך לבדך חטאתי וגומר אמר דוד לפני הקב"ה גלוי וידוע קמך דאי בעאי למכפייה ליצרי הוה כייפינא אלא אמינא דלא ליםרו עבדא זכי למריה. דרש רבא מ"ד (שם לח) כי אני לצלע נכון ומכאובי נגדי תמיד ראויה היתה בת שבע בת אליעם לדוד מששת ימי בראשית אלא שבאת אליו במכאוב וכן תנא דבי ר' ישמעאל ראויה היתה לדוד בת שבע בת אליעם אלא שאכלה פגה. דרש רבא מ"ד (שם לה) ובצלעי שמחו ונאספו נאספו עלי

מתקדשת מטמאתה. (ובא עליה) [ואותה שעה פסק טומאתה ולא בא עליה] כשהיא נדה: פקדת לילה. על מעשה לילה פקדתני אם אוכל לעמוד בנסיון של דבר עבירה: צרפתני בל תמצא. חשבת לצרפני ולא מצאתני נקי: איכו זממא. מי יתן והיה כפי רסן ואפשר לעכב את דברי שלא אומר דבר זה של בהגני:

הר שבכם. מלך שלכם: צפור נדדתו. דע"י צפור נטרד כדאמרינן אידמי ליה כצפורא: עבדא זכייה למאריה. העבד נאה לאדוניו בהוכחתו: כי אני לצלע נכון. אותו צלע היה נכון לי: שאכלה פגה. שקפץ את השעה ליזקק ע"י עבירה: נאספו

אֶלִיעָם דִיא וַוייבּ פוּן אוּרִיָה הַחִתִּי. הָאט דָוִד גֶעשִׁיקְט מֶענְטְשִׁין אוּנ מֶען הָאט אִיר גֶענוּמֶען אוּנ מֶען הָאט אִיר גִיבְּרֵיינְגְט צוּ דָוִד. אוּנ דָוִד אִיז מִיט אִיר גִישְׁלָאפֶען. אוּנ זִיא הָאט זִיךְ גִיהֵיילִיגְט פוּן אִיר טוּמְאָה (זִיא אִיז גִיוֶועןאַ נִדָה אוּנ הָאט זִיךְ טוֹבֵל גִיוֶוען). דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט גְזָאגְט צוּ גָאט דוּא הָאסְט גִיפְּרוּבְט מַיין הַארְץ. דוּא הָאסְט אוֹיף מִיר גִיבָּאטֶען צוּא פְּרוּבִין מִיךְ מִיט דִיא זַאךְ וָואס וֶוערְט גִיטָאהן בַּיי נַאכְט (מִיט תַּשְׁמִישׁ הַמִטָה). דוּא הָאסְט מִיךְ גִיפְּרוּבְט; דוּא הָאסְט מִיךְ אָבֶּער נִיט גִיטְרָאפֶען אִיךְ זָאל הָאבֶּען בֶּעשְׁטַאנֶען בַּייא דִיא פְּרָאבֶּע. זַמוֹתִי בַל יַעֲבָר פִּי. הַלְוַואי וָואלְט גִיוֶוען אַשְׁלָאס בַּיי מַיינֶע שׂוֹנְאִים אִין מויל. אוּנ זַייא וָואלְטִין נִיט גִיזָאגְט דִיא זַאךְ מֶען זָאל זַייא פְּרוּבִין (דָאס הָט דָוִד גִימֵיינְט זִיךְ. נָאר וִוי אַיינֶער ווַיל זִיךְ נִיט פְלוּכִין זָאגְט עֶר דִיא קְלָלָה אוֹיף דִי שׂוֹנְאִים):

קח דְרַשׁ. רָבָא הָאט גִידַרְשְׁת עֶם שְׁטֵייט אִין פָּסוּק לַמְנַצֵחַ לְדָוִד אִיךְ בַּשִׁיץ מִיךְ אִין גָאט וִויא אַזוֹי קֶענְט אִיר אוֹיף מִיר זָאגֶן אַייעֶר בַּארְג אִיז פַאר וָואגִילְט גִיוָוארִין דוּרְךְ אַפוֹיגֶעל; דָוִד הָאט גְזָאגְט פַאר גָאט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זַייא מִיר מוֹחֵל דִיא עֲבֵירָה פוּן בַּת שֶׁבַע. מֶען זָאל נִיט זָאגֶן אוֹיף מִיר אַייעֶר בַּארְג (אַייעֶר מֶלֶךְ) אִיז פַאר וָואגִילְט גִיוָוארִין דוּרְךְ אַפוֹיגֶעל (אַזוֹי וִויא עֶם שְׁטֵייט אִין סִימָן קז):

רָבָא הָאט גִידַרְשְׁת עֶם שְׁטֵייט אִין פָּסוּק צוּא דִיר אַלֵיין הָאבּ אִיךְ גֶעזִינְדִיגְט. דָוִד הָאט גְזָאגְט פַאר גָאט דִיר אִיז דָאךְ בֶּעוואוּסְט אַז אִיךְ וָואלְט וֶועלִין גֵייטִין דֶעם יֵצֶר הָרָע נִיט מְזַנֶה זַיין מִיט בַּת שֶׁבַע. וָואלְט אִיךְ אִיהם גִיקֶענְט בֵּייטִין. נָאר אַז אִיךְ וָואלְט דִיא עֲבֵירָה נִיט גִיטָאהן וָואלְט מֶען זָאגִין דֶער קְנֶעכְט (דָוִד) הָאט אַיין גֶענוּמֶען זַיין הַאר (גָאט). גָאט הָאט גְזָאגְט אִיךְ וֶועל נִיט קֶענֶען בַּשְׁטֵיין בַּייא דִיא פְּרָאבֶּע אוּנ אִיךְ בִּין יָא בֶּעשְׁטַאנֶען בַּייא דִיא פְּרָאבֶּע דְרִיבֶּער הָאבּ אִיךְ גִיטָאהן דִיא עֲבֵירָה מֶען זָאל אַזוֹי נִיט זָאגֶן:

רָבָא הָאט גִידַרְשְׁת עֶם שְׁטֵייט אִין פָּסוּק כִּי אֲנִי לְצֶלַע נָכוֹן (אִיךְ בִּין גִיוֶוען אָן גִיבְּרֵייט צוּא דִיא ווַייבּ) וּמַכְאוֹבִי נֶגְדִי תָּמִיד (אוּנ מַיינֶע שְׁמֶערְצִין זֶענֶען אֵייבִּיג געגין מִיר). בַּת שֶׁבַע אִיז גִיוֶוען אָן גִיבְּרֵייט צוּא זַיין אַוַוייבּ צוּ דָוִד פוּן דֶער צַייט וָואס דִיא וֶועלְט אִיז בַּשַׁאפֶען גִיוָוארִין. נָאר זִיא אִיז גִיקוּמֶען צוּ אִיהם דוּרְךְ שְׁמֶערְצִין דוּרְךְ אַעֲבֵירָה. אוּנ אַזוֹי הָאט רַבִּי יִשְׁמָעֵאל גִילֶערְנְט בַּת שֶׁבַע אִיז גִיוֶוען אָן גִיבְּרֵייט צוּ זַיין אַוַוייבּ צוּ דָוִד. נָאר עֶר הָאט אִיר גִיגֶעסֶען אוּמְצַייטִיג. עֶר הָאט אִיר גֶענוּמֶען פַאר דִיא צַייט דוּרְךְ אַעֲבֵירָה; רָבָא הָאט גִידַרְשְׁת עֶם שְׁטֵייט אִין

עלי נכים ולא ידעתי קרעו ולא דמו אמר דוד לפני הקב"ה רבש"ע גלוי וידוע לפניך שאם היו קורעין את בשרי לא היה דמי שותת ולא עוד אלא בשעה שהם עוסקים באהלות ונגעים פוסקים ממשנתן ואומרים לי דוד הבא על אשת איש מיתתו במה אמרתי להם הבא על אשת איש מיתתו בחנק ויש לו חלק לעה"ב אבל המלבין פני חברו ברבים אין לו חלק לעולם הבא :

קט אמר רב יהודה אמר רב אפילו בשעת חליו של דוד קיים שמונה עשר עונות שנא' (תהלים ו) יגעתי באנחתי אשחה בכל לילה מטתי בדמעתי ערשי אמסה :

קי ואמר רב יהודה אמר רב בקש דוד לעבוד ע"ז שנאמר (ש"ב טו) ויהי דוד בא עד הראש אשר ישתחוה שם לאלהים ואין ראש אלא עבודה זרה שנא' (דניאל ב) הוא צלמא ראשה די דהב (ש"ב טו) והנה לקראתו הושי הארכי קרוע כתנתו ואדמה על ראשו א"ל לדוד יאמרו מלך כמותך יעבוד ע"ז א"ל מלך שכמותי יהרגנו בנו מוטב יעבוד ע"ז ואל יתחלל שם

פירוש

עלי נכים . בעלי . מומין כמו פרעה נכה והיו מלעיגין עלי ואני כלא יודע . לשון אחר ולא ידעתי לא הייתי יודע כשמלעיגין כלומר שהאיש בא עלי אותו עון שלא ידעתי שניהן פתחון פה לביישני . ה"ג בשעה שעוסקין במיתות בית דין אומרים לי הבא על אשה איש מיתתו וכו' :

שמונה עשר עונות. לשמונה עשר נשיו שלא לענגן : באנחתי אשחה . אפי' בשעת אנחתי אשחה בכל לילה : מטתי . תשמיש מטה ענין כתי ומשום קרי ליה : בדמעתי ערשי אמסה . שבשעת דמעתי אני ממאיס את מטתי בתשמיש :

יאמרו מלך שכמותי . הסיד שכמותי יהרגנו בנו ויהיו מתרעמין על מדותיו של הקב"ה ומצא ש"ש מתחלל בפרהסיא : מוטב אעבוד ע"ז . ויתחלל את השם אני לבדי ולא יחללו אותו כל העולם: אמר לו . חושי הארכי לדוד קב"ה לא עביד דינא בלא דינא שמעמיד בנך עליך להרגך דאת מאי טעמא נסבת יפת תואר דאמו של אבשלום מעכה

אין פסוק אויף מיין בראך האבען זייא זיך געפרייט אונ האבען זיך פאר זאמעלט. אפילו הינקעדיגע האבען זיך אויך פאר זאמעלט אויף מיר אונ איך ווייס ניט פאר וואס. ווען זייא וואלטין מיין לייב געריסען וואלט קיין בלוט ניט גיגאנגען : דוד האט גזאגט פאר גאט רבונו של עולם עס איז בעוואוסט פאר דיר אז זייא וואלטען געריסען מיין לייב וואלט קיין בלוט ניט גערונען. אונ נאך מער טוהען זייא ווען זייא לערנען דיא מסכת נגעים אדער דיא מסכת אהלות הערין זייא אויף צו לערנען אונ זאגען צו מיר דוד וואס ער האט מזנה געוועזן מיט אשת איש מיט וואס דארף מען אים הרגנן. זאג איך צו זייא דער וואס איז מזנה מיט אשת איש דארף מען אים הער ווערגין. אבער ער האט עולם הבא. אונ דער וואס פאר שעמט זיין חבר פאר פיל מענטשין האט ער ניט קיין עולם הבא :

קט אמר. רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין אפילו ווען דוד איז קראנק געוועזן האט ער אויך מקיים געוועזן אכטצעהן מאהל דיא מצוה פון תשמיש המטה מיט זיינע אכטצעהן ווייבער. יגעתי באנחתי ואפילו ווען איך האב מיך גימאטערט מיט מיינע זיפצונג. ווען איך בין קראנק געוועזן. פון דעסטוועגין אשחה בכל לילה מטתי האב איך פאר מיאוסת אלע נאכט מיין בעט מיט שכבת זרע. בדמעתי ערשי אמסה ואפילו ווען איך האב געוויינט מיט טרערין אויף מיין קראנקייט. פון דעסטוועגין האב איך פאר מיאוסת מיין בעט מיט שכבת זרעו :

קי ואמר. נאך האט רב יהודה גזאגט פון רבס וועגין דוד האט גיוואלט דינען עבודה זרה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוד איז גיקומען ביז הראש וואס דארט פלעגט ער זיך בוקין צו גאט. ראש מיינט מען עבודה זרה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער צלם ראשה די דהב. זיין קאפ איז געוועזן פון גאלד : אונ געגין דוד איז געקומען חושי הארכי זיין העמד איז געוועזן צוריסען אונ ערד איז געוועזן אויף זיין קאפ. האט חושי הארכי גזאגט צו דוד מען וועט זאגען אזוי אמלך וויא דוא ביסט זאל דינען עבודה זרה. האט דוד גזאגט צו חושי הארכי אז א פרומער מלך וויא איך בין זאל מיך מיין זוהן וועלין הרגנן. וועלין מענטשין זאגען אז גאט איז אומגירעכט. וועט דאך זיין אחילול השם. וויל איך בעסער דינען עבודה זרה. וועט ניט זיין קיין חילול השם. וואורום מען וועט זאגען גאט איז גירעכט. ווייל דוד דינט עבודה זרה

שם שמים בפרהסיא אמר מ"ט נסבת יפת תואר א"ל יפת תואר רחמנא שרייה א"ל לא דרשת סמוכין דסמוך ליה (דברים כא) כי יהיה לאיש בן סורר ומורה כל הנושא יפת תואר יש לו בן סורר ומורה:

קיא דרש רבי דוסתאי דמן בירי למה דוד דומה לסוחר כותי אמר דוד לפני הקב"ה רבש"ע (תהלים יט) שגיאות מי יבין א"ל שביקי לך מנסתרות נקני שביקי לך גם מזדים חשוך עבדך שביקי לך אל ימשלו בי אז איתם דלא לישתעו בי רבנן שביקי לך (אז איתם) ונקיתי מפשע רב שלא יכתוב סורחני אמר לו אי אפשר ומה יו"ד שנטלתי משרי עמד וצווח כמה שנים עד שבא יהושע והוספתי לו שנאמר (במדבר יג) ויקרא משה להושע בן נון יהושע כל

בת תלמי מלך גשור ותפסה דוד במלחמה דלאו לומר בעבירה נאה לו דהא כתיב רק בדבר אוריה החתי:
סוחר כותי. דרכו לפנות את סחורתו מעט מעט (יותר מדאי) להעמידה על דמים מועטים: שגיאות מי יבין. מי יוכל להשמר משגגות: אמר ליה. הקב"ה: שביקא לך. מחול לך: נסתרות. מזיד של צינעא: זדים. מזיד של פרהסיא: ס"ג אל ימשלו בי דלא לשתעו בי רבנן. והיינו אל ימשלו לשון משל שלא ידרשו בחטאתי חכמי הדורות: אז איתם שלא יכתב סורחני. שמתוך אותה פרשה מן המקרא ויתחכח הדבר לעולם: כל הפרשה. שכתובה ככר מעשים אותו חטא:

דריבער האט גאט אויף איהם אן גערייצט זיין זוהן. האט חושי געזאגט צוא דוד אפילו דוא וועסט ניט דינען עבודה זרה וועלין אויך אלע מענטשין זאגן אז גאט איז גירעכט. ווארום פאר וואס האסטו גענומען אגוישע ווייב (דיא מוטער פון אבשלום איז גיוועזן אטאכטער פון אמלך וואס דוד האט איר גיפאנגען אין דער מלחמה). האט דוד גזאגט דיא תורה האט מתיר גיוועזן אז מען זעהט אשיינע גויה אין דער מלחמה מען זאל זיא נעמען פאר אווייב. האט חושי גזאגט צו דוד: פאר וואס האסטו ניט גידרשת דיא נאנטע פסוקים. נעבין דיא פסוקים וואס עס שטייט אז מען מעג נעמען אגוישה ווייב אין דער מלחמה. שטייט אז אמענטש וועט האבען אזוהן וואס ער איז אסורר ומורה (אפרעסער אונ אזויפער וואס ער פאלגט ניט זיין פאטער אונ מוטער) דער פסוק לערונט אונז דער וואס נעמט אגוישע ווייב וועט ער פון איר האבען אזוהן וואס ער וועט זיין אסורר ומורה. דריבער וועט זיך קיינער ניט וואונדערין אויף אבשלום וואס ער וויל ביי דיר צו נעמען דיא מלוכה. דאס וועט מען ניט אן איינגען אויף דיינע שלעכטקייט. נאר מען וועט אנאיינגען אויף די שלעכטקייט פון דיין זוהן:

קיא דרש. רבי דוסתאי פון בירי האט גידרשת צו וועמען איז דוד גלייך צו אסוחר וואס ער איז אכותי וואס ער האנדילט סחורה ביסלאכווייז ער זאל קויפען וואלוויל. אזוי האט דוד גיבעטן ביי גאט ביסלאכווייז אויף זיינע עבירות מען זאל זיי איהם מוחל זיין. דוד האט גזאגט פאר גאט רבונו של עולם ווער קען פאר שטיין זיך צוא היטען פון צוא טאהן אעבירה אומגערין. האט גאט גזאגט אויף דיא עבירות וואס דוא האסט גיטאהן אומגערין בין איך דיר מוחל. דער נאך האט דוד גזאגט פאר גאט פון דיא עבירות וואס איך האב גיטאהן גערין ווייל זייא זענען פאר בארגין קיינער ווייס ניט פון זייא. זאלסטו מיך אויך ריין מאכען. האט גאט גזאגט דיא עבירות בין איך דיר אויך מוחל. דער נאך האט דוד גזאגט פאר גאט פון דיא עבירות וואס איך האב גיטאהן גערין אונ מענטשין ווייסען פון דיא עבירות. זאלסטו אויך פאר מיידען דיין קנעכט. זאלסטו זייא מיר אויך מוחל זיין. האט גאט גזאגט דיא עבירות בין איך דיר אויך מוחל. דער נאך האט דוד גזאגט פאר גאט דיא חכמים זאלן ניט זאגן אויף מיר משלים. דיא חכמים זאלן ניט שמועסין פון מיר אין בית המדרש. האט גאט גזאגט איך וועל דאס אויך טאהן פון דיינעט וועגין. דער נאך האט דוד גזאגט פאר גאט דוא זאלסט מיך ריין מאכען פון מיין גרויסען זינד מיין זינד מיט בת שבע זאל ניט שטיין אין תנ"ך. וועט קיינער ניט וויסען אז איך האב דיא זינד גיטאהן. האט גאט גזאגט דאס קען ניט זיין. מאראך דער יוד וואס איך האב צו גענומען פון שרי (זיא זאל הייסען שרה) איז גישטאנען פאר מיר פיל יאהרין אונ האט געשריגען. ביז יהושע איז געקומען אויף דער וועלט האב איך איהם

כל הפרשה כלה על אחת כמה וכמה. ונקיתי מפשע רב. אמר לפניו רבש"ע מחול לי על אותו עון כולו. אמר כבר עתיד שלמה בנך לומר בחכמתו (משלי ו) היחתה איש אש בחיקו ובגדיו לא תשרפנה אם יהלך איש על גחלים ורגליו לא תכוינה כן הבא אל אשת רעהו לא ינקה כל הנוגע בה א"ל כל הני נט־ד ההוא גברא א"ל קביל עליך יסורין קביל עליה אמר רב יהודה אמר רב ששה חדשים נצטרע דוד ונסתלקה הימנו שכינה ופירשו ממנו סנהדרין. נצטרע דכתיב (תהלים נא) תחטאני באזוב ואטהר וגו' נסתלקה הימנו שכינה דכתיב (שם) השיבה לי ששון ישעך וגומר ופרשו ממנו סנהדרין דכתיב (שם קיט) ישובו לי יראיך וגו' ו' חדשים מנ"ל דכתיב (מ"א ב) והימים אשר מלך דוד על ישראל ארבעים שנה בחברון מלך שבע שנים ובירושלים מלך שלשים ושלש שנים וכתיב (ש"ב ה) בחברון מלך על יהודה שבע שנים וששה חדשים ובירושלים מלך ל"ג שנה והנך ו' חדשים לא קא חשיב ש"מ נצטרע (כתיב (תהלים פו) עשה עמי אות לטובה וגו') אמר לפניו רבש"ע מחול לי על אותו עון

פירוש

על אחת כמה וכמה. שלא היעקר: תחטאני באזוב. מכלל שהיה צריך טהרת אזוב כמצורע: בחברון מלך שבע שנים וששה חדשים. מדהכא חשיב להו ובאידך קרא לא חשיב להו ש"מ לא היה מלכותו שלמה שנצטרע אותן ששה חדשים: ס"א אבל בהיי בכך אני מודיע ולא גרסינן לך:

גיגעבן דעם יו"ד. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק משה האט גירופען צו הושע בן נון יהושע. וויא אזוי וועל איך ארויס נעמען פון תנ"ך אגאנצן קפיטול וואס אין איהם שטייט געשריבען ביין זינד. דער נאך האט דוד גזאגט פאר גאט רבונו של עולם דער זינד וועט בלייבען שטיין אין תנ"ך זיי מיר אבער מוחל דיא עבירה אין גאנצן. האט גאט גזאגט צו דוד ביין זוהן שלמה וועט אמאהל זאגן מיט זיין חכמה קען דען זיין אז אמענטש זאל שארען פייער אין זיין שוים אונ זיינע קליידער זאלין ניט פאר ברענט ווערין. קען דען זיין אז אמענטש זאל גיין אויף ברענענדיגע קוילען אונ זיינע פיס זאלן ניט פאר ברוהט ווערין. אזוי קען ניט זיין אז איינער זאל מזנה זיין מיט זיין חברס ווייב אונ ער זאל ריין ווערין. נאר ווער עס רירט אן זיין חברס ווייב וועט ניט ריין ווערין. האט דוד גזאגט אזוי בין איך פאר טריבען פון גאט. האט גאט גזאגט צו דוד נעם אויף זיך צו ליידין יסורים. האט דוד אויף זיך גענומען צו ליידין יסורים. רב יהודה זאגט פון רבס וועגין זעקס חדשים איז דוד גיוועזן קרעציג. אונ די שכינה איז גיוועזן אפ גיטאהן פון איהם: אונ די סנהדרין זענען גיוועזן אפ גישייט פון איהם. פון וואנען ווייסען מיר אז דוד איז גיוועזן קרעציג. ווארום עס שטייט אין פסוק דוד הט גזאגט דו זאלסט מיך ריין מאכן מיט אזוב וועל איך זיין ריין (אונ אקרעציגען ריינעגט מען מיט אזוב אזוי וויא עס שטייט אין די סדרה מצורע). פון וואנען ווייסען מיר אז די שכינה איז גוועזן אפ גטאהן פון דוד. ווארום עס שטייט אין פסוק דוד האט גבעטען ביי גאט קער מיר צוריק ביין פריילעכע הילף (ווארום אויף דעם ארט ווא די שכינה רוהט דארט איז פריילעכקייט). אז ער האט גבעטען דיא שכינה זאל צוריק קערין צו איהם. איז זיא דאך גוועזן אפ גשיידט פון איהם. פון וואנען ווייסען מיר אז די סנהדרין זענען גוועזן אפ געשיידט פון דוד. ווארום דוד האט גבעטען די פרומע מענטשען וואס האבען מורא פאר גאט זאלען צוריק קערען צו מיר. אז ער האט גבעטען זיי זאלען צוריק קערען. זענען זיי דאך גוועזן אפגעשייד פון איהם. פון וואנן ווייסען מיר אז דוד איז גוועזן קרעציג זעקס חדשים. ווארום עס שטייט אין פסוק אונ די טעג וואס דוד האט געקיניגט אויף דיא יודען איז גוועזן פערציג יאהר. אין חברון האט ער געקיניגט זיבען יאהר. אונ אין ירושלים הט ער געקיניגט דריי אונ דרייסיג יאהר: אונ אין אנדערען פסוק שטייט אין חברון האט דוד געקיניגט אויף יהודה זיבען יאהר מיט זעקס חדשים. אונ אין ירושלים האט ער געקיניגט דריי אונ דרייסיג יאהר. פאר וואס רעכונט מען ניט אין יענעם פסוק די זעקס חדשים; ווייל דיא זעקס חדשים איז דוד גוועזן קרעציג אונ ער האט זיך נישט געמישט צו דער מלוכה. נאך די זעקס חדשים האט דוד גזאגט פאר גאט רבונו של עולם זיי מיר מוחל דיא עבירה. הט גאט

עון מחול לך עשה עמי אות לטובה ויראו שונאי ויבושו א"ל בחייך איני מודיע אבל אני מודיע בחיי שלמה בנך בשעה שבנה שלמה את בה"מ בקש להכנים ארון לבית קדשי הקדשים דבקו שערים זה בזה אמר כ"ד רננות ולא נענה אמר (שם כד) שאו שערים ראשיכם והנשאו פתחי עולם ויבא מלך הכבוד וגו' ולא נענה כיון שאמר (ד"ה ב ו) ה' אלהים אל תשב פני משיחך זכרה לחסדי דוד עבדך מיד נענה באותה שעה נהפכו פני שונאי דוד כשולי קדרה וידעו כל ישראל שמחל לו הקב"ה על אותו עון :

כ"ד רננות. בין תפלה ותחנה ורנה איכא כ"ד : שוהכת. מגבהת מתכה בלא נגיעה כעין אותו שלוטזין יימאג"ה בלע"ז וע"י אותה אבן העמיד

קיב ופיסקא גיחזי דכתיב] (מ"ב ח) וילך אלישע דמשק להיכן אזל א"ר יוחנן שהלך להחזיר גיחזי בתשובה ולא חזר א"ל חזור בך א"ל כך מקובלני ממך החוטא ומחטיא את הרבים אין מספיקין בידו לעשות תשובה מאי עבד א"ד אבן שואבת תלה לחטאת ירבעם והעמידה בין שמים לארץ ואיכא דאמרי שם חקק בפיה והיתה מכרזת ואומרת

געזאגט איך בין דיר מוחל. האט דוד געזאגט פאר גאט טוה מיט מיר אצייכען צו גוטען ואז אלע זאלען וויסען אז דוא האסט מיר מוחל געוועזען דיא עבירה) וועלען מיינע שונאים זעהן וועלען זיי זיך שעמען. האט גאט געזאגט צו דוד ביי דיין לעבען וועל איך דאס ניט וויסען מאכען. נאר ביי דעם לעבען פון דיין זוהן שלמה וועל איך דאס וויסען מאכען פאר אלע מענטשען אז איך האב דיר די עבירה מוחל געוועזען. ווען שלמה האט געבאהט דעם בית המקדש אונ ער האט געוואלט אריין ברייננגען דעם ארון אין קדשי קדשים האבען די טוערין זיך בהעפט : יער צום אנדערען. אונ האבען ניט געלאזט אריין טראגען דעם ארון. האט שלמה געזאגט פיר אונ צוואנציג תפלות. די טוערען זאלען אויף געעפענט ווערען. אונ ער איז ניט געענפערט געווארען. דיא טוערען זענען גווען פאר מאכט. שלמה האט געזאגט צו דיא טוערען. איהר טוערעי הייבט אויף אייערע קעפ. אונ דיא טירען זאלען אויף גהויבען ווערען אויף אייבעג. אונ עס וועט קומען דער מלך וואס צו איהם געהער דער כבוד. אונ שלמה איז ניט געענפערט געווארען. ווי שלמה האט גזאגט גאט זאלסט ניט לייידעג צוריק קערען דעם פנים פון דעם געזאלבטען : געדיינק דיא חסדים וואס דוא האסט צו גזאגט צו דיין קנעכט דוד. איז שלמה באלד געענפערט געווארען. אונ דיא טוערען זענען געעפענט געווארען, אונ מען האט אריין גברייננגט דעם ארון. אין דער צייט איז פאר קערט געווארען דער פנים פון די אלע פיינד פון דוד ואונ זייערע פנ מער זענען געווארין שווארץ וויא דער דעק פון א טאפ. אונ אלע יודין האבין גיוואוסט אז גאט האט מוחל גיוועזען צו דוד די עבירה פון בת שבע :

קיב פיסקא, פון וואנען ווייסען מיר אז גיחזי האט ניט קיין עולם הבא. ווארום עס שטייט אין פסוק אלישע איז גגאנגען צו דיא שטאט דמשק. צו וואס איז ער גיגאנגען אין דמשק. רבי יוחנן זאגט ער איז גיגאנגען צו גיחזי איהם זאגין ער זאל תשובה טאהן. אונ גיחזי האט ניט תשובה גיטאהן. אלישע האט גיזאגט צו גיחזי טוה תשובה. האט גיחזי גזאגט צו אלישע אזוי האב איך גילערענט פון דיר דער וואס זינדעגט אונ מאכט זינדיגען אנדערע מענטשען לאזט מען איהם ניט ער זאל תשובה טאהן. וואס איז גיוועז דיא עבירה וואס גיחזי האט געטאהן. אנדערע זאגין ער האט אויף גיהאנגען א מאגנעט שטיין אויף דיא גאלדענע קעלבער וואס ירבעם האט גמאכט. זענען די קעלבער געבליבען הייגגען אין דער לופטען צווישען הימעל אונ ערד. אנדערע זאגין ער האט אויס געקריצט דעם נאמען פון גאט אין דיא מויל פון דעם גאלדענעם קאלב. האט דיא קאלב געשריגען אנכי יי אלהיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים ואיך בין דיין גאט וואס איך האב דיך ארויס געצויגען פון מצרים) . אונ דעם אנדערען פסוק לא יהיה לך אלהים אחרים (דוא זאלסט ניט האבען קיין אנדערע געטער אויסער מיך) . וויא דיא יודין האבען גיזעהן

ואומרת אנכי ולא יהיה לך ואיכא דאמרי רבנן דחה מקמיה שנאמר (שם) ויאמרו בני הנביאים אל אלישע הנה המקום אשר אנחנו יושבים שם לפניך צר ממנו מכלל דעד הנה לא הוה דחיק :

קיג ת"ר לעולם תהא שמאל דוחה וימין מקרבת ולא כאלישע שדחפו לגיחזי בשתי ידים דכתיב (מ"ב ה) ויאמר נעמן הואל קח ככרים ויפרץ בו וגו' ויאמר אליו אלישע מאין גחזי ויאמר לא הלך עבדך אנה ואנה ויאמר אליו לא לבי הלך כאשר הפך איש מעל מרכבתו לקראתך העת לקחת את הכסף ולקחת בגדים וזיתים וכרמים וצאן ובקר ועבדים ושפחות . ומי שקל כולי האי כסף ובגדים הוא דשקל א"ר יצחק באותה שעה היה אלישע יושב ודורש בשמונה שרצים . נעמן שר צבא מלך ארם היה מצורע אמרה ליה ההיא רביתא דאישתבאי מארעא

פירוש: שעגלים של ירבעם באויר : רבנן דחה מקמיה : שתלמידים דחה מישיבתו של אלישע : צר ממנו . מכלל דעד האידנא לא הוה צר :
הואל קח. השבע שאלישע שלחך : ויפרץ בו. לגוחזי: העת לקחת את הכסף והבגדים וגו' . ח' דברים קא חשיב בהאי קרא : וגיחזי מי שקל כולי האי . מנעמן כסף ובגדים הוא דשקל דכתיב ויצר ככרים וגו' : אותה שעה היה אלישע עוסק . בפרק' שמונה שרצים : א"ל הגיע

דיא קעלבער זענען אין דער לופטען ; אדער זייא קענען רידען . האבען זייא געגלויבט אז דיא קעלבער זענען געטער ; האט דאך גיחזי געמאכט זינדיגען דיא יודען . אנדערע זאגען די עבירה פון גיחזי איז געוועזן וואס ער האט ארוים געשטויסען דיא תלמידים פון אלישעס ישיבה זייא זאלין ניט הערנען תורה פון אלישע . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא יונגע נביאים האבין גזאגט צו אלישע דער ארט וואס מיר זיצען דארט פאר דיר איז איינג פאר אונז . אבער ביז איצט איז ניט איינג געוועזן . ווייל ביז איצט האט גיחזי אוועק געשטויסען פיל תלמידים . אונ איצט אז גיחזי איז ניטא . זענען אן גיקומען פיל תלמידים איז געווארין איינג :

קיג תנו רבנן . די רבנן האבין גילערונט אייביג זאל איין מענטש דעם אנדערען אוועק שטויסין פון זיך מיט דיא לינקע האנט . אונ זאל איהם נאנט מאכען צו זיך מיט די רעכטע האנט ; נישט ווי אלישע וואס ער האט אוועק גשטויסען פון זיך דעם גיחזי מיט ביידע הענט . ווארום עס שטייט אין פסוק נעמן האט גזאגט צו גיחזי שווער אז אלישע האט דיך געשיקט אונ נעם צוויי צענטנער זילבער האט נעמן שטארק גיבעטען ביי גיחזי האט גיחזי גינומען . דער נאך ווי גיחזי איז גקומען פאר אלישע . האט אלישע גזאגט צו גיחזי פון וואנען קומסטו גיחזי ; האט גיחזי גזאגט דיין קנעכט איז ערגעץ ניט גגאנגען . האט אלישע גזאגט צו גיחזי מיין הארץ איז ניט אוועק גגאנגען פון מיר . איך האב גיזעהן וויא אמענטש האט זיך אומגיקערט פון זיין רייט וואגען געגען דיר . איז דען איצט גיוועזן די צייט צו נעמען זילבער אונ צו נעמען קליידער / אונ אייל בירטען אונ וויינגערטנער אונ שעפסין אונ רינדער אונ קנעכט אונ דינסטען . פרעגט די גמרא האט דען גיחזי גינומען אזוי פיל פון נעמן ; ער האט דאך נאר גינומען זילבער אונ קליידער ניט מער . אונ אלישע האט גירעכונט אכט זאכין האט גיחזי גינומען . האט רבי יצחק גזאגט אין דער צייט וואס גיחזי הט גענומען די זילבער מיט די קליידער איז געזעסן אלישע אונ האט גידרשת די דינים פון די אכט שרצים וואס שטייען אין דער תורה והחולד והעכבר והצב והאנקה והכח והלטאה והחומט והתנשמת) . אונ אלישע האט גיוואוסט אז גיחזי האט גיטראכט צו קויפען פאר דעם געלט וואס ער האט גינומען ביי נעמן איילבירטען אונ וויינגערטנער שעפסין אונ רינדער קנעכט אונ דינסטען . אונ מיט די זילבער אונ קליידער וואס ער האט גינומען . צו זאמען איז אכט זאכען . דריבער האט אלישע גיזאגט צו גיחזי . אזוי וויא די אכט שרצים וואס איך האב איצט גילערונט זייערע דינים אז מען עסט זיי ברייננגען זייא אויף דעם מענטשין צרעת . אזוי זאל אויף דיר קומען די צרעת פון נעמן פאר דיא אכט זאכין וואס דו האסט געוואלט האבין פון נעמנ'ס געלט .

עס שטייט אין פסוק נעמן דער געגעראל פון מלך ארם איז גווען קרעציג . ביי נעמנ'ס ווייב איז גיוועזן א מיידיל וואס איז גיפאנגען גווארין פון ארץ ישראל האט זיא גיזאגט צו נעמן אויב דוא

מארעא דישראל אי אזלת לגבי אלישע מסי לך כי אתא א"ל זיל טבול בירדן א"ל אחוכי קא מחייכת בי אמרו ליה הנהו דהוו בהדיה מאי נפקא לך מינה זיל נסי אזל וטבל בירדנא ואיתסי אתא אייתי ליה כל הני דנקט לא צבי לקבולי מיניה גיחזי איפטר מקמי אלישע אזל שקל מאי דשקל ואפקיד כי אתא חזייה אלישע לצרעת דהות פרחה עילויה רישיה א"ל רשע הגיע עת ליטול שכר שמונה שרצים וצרעת נעמן תדבק בך ובזרעך עד עולם ויצא מלפניו מצורע כשלג (שם ז) וארבעה אנשים היו מצורעים פתח השער א"ר יוחנן גיחזי ושלשת בניו. תניא אמר רשב"א יצר תינוק ואשה תהא שמאל דוחה וימין מקרבת:

קיד תנו רבנן שלשה חלאים חלה אלישע אחד שגירה דובים בתינוקות ואחד שדחפו לגיחזי בשתי ידים ואחד שמת בו שנאמר (מ"ב יג) ואלישע חלה את חליו אשר ימות בו עד אברהם לא היתה זקנה כל דחזי לאברהם אמר האי יצחק כל דחזי ליצחק אמר האי אברהם בעא אברהם רחמי דליהוי ליה זקנה שנא' (בראשית כד) ואברהם

עת ליטול שכר פרק שמונה שרצים שעסקתי בו וכו'. ולהכי כתב בהאי קרא שמונה דברים כנגד אותו פרק כלומר כסף ובגדים שקבלת ממנו מנעמן סבור אתה לקנות דברים הללו להיותם לך שכר שמונה שרצים: יצר. אם יצר אותו מרחיקו ממנו לגמרי ממעט ישיבת העולם ואם מקרבו לגמרי בא לידי איסור שאינו יכול לכבוש יצרו מדבר עבירה: תינוק ואשה. דעתן קלה ואם דוחה אותם הטרידן מן העולם:

וועסט גיין צו אלישע וועט ער דיך היילען. אז נעמן איז גיקומען צו אלישע. האט אלישע גזאגט צו נעמן גייא טונק דיך איין אין ירדן וועסטו גיזונד ווערין. האט נעמן גיזאגט צו אלישע דוא לאכסט פון מיר. דיא מענטשין וואס זענען גיוועזן מיט נעמן האבין גיזאגט צו נעמן וואס הארט דיך אז דוא וועסט זיך איין טונקען אין ירדן: גיי פרוב. איז נעמן גינאנגען אונ האט זיך איין געטונקט אין ירדן אונ ער איז גיזונד גיווארין. איז נעמן גיקומען צו אלישע אונ ער האט איהם גיוואלט געבען אלץ וואס ער האט מיט גיבראכט: האט אלישע ניט גיוואלט נעמען פון איהם. גיחזי איז אוועק גינאנגען פון אלישע אונ איז גינאנגען צו נעמן אונ ער האט ביי איהם גינומען וואס ער האט גינומען אונ ער האט בעהאלטין. אז גיחזי איז צוריק געקומען צו אלישע: האט אלישע גיזעהן ווי צרעת בליהט אויף דעם קאפ פון גיחזי: האט אלישע גיזאגט צוא גיחזי דוא רשע עס איז גיקומען די צייט דוא זאלסט נעמען דעם שכר פון די אכט שרצים וואס איך האב איצט גילערנט (ווי פריער שטייט). אונ די קרעץ פון נעמן זאל בהעפט ווערין אין דיר אונ אין דיינע קינדער אויף אייביג. איז גיחזי ארויס גינאנגען פון אלישע אונ איז גיוועזן בדעקט מיט קרעץ וויים וויא שנייא. עס שטייט אין פסוק פיר מענטשין זענען גיוועזן קרעציג אונ זענען גיזעסין אין טויער פון שטאט: רבי יוחנן זאגט דאס איז גיוועזן גיחזי מיט זיינע דרייא זיהן.

מיר האבין גילערנט רבי שמעון בן אלעזר זאגט דעם יצר הרע אונ אקינד אונ אווייב זאל אמענטש אוועק שטויסען מיט דיא לינקע האנט אונ זאל זיי נאנט מאכען מיט די רעכטע האנט. אמענטש זאל ניט צו פיל נאך געבין דעם יצר הרע. אונ זאל אים ניט אין גאנצען אוועק שטויסין ער זאל זיך פייניגען. אונ ער זאל ניט אוועק שטויסין זיין ווייב אדער זיין קינד אין גאנצין פון זיך. אונ ער זאל ניט ווייזען צו זיי צו פיל ליבשאפט:

קיד תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט דרייא מאהל איז אלישע קראנק גיווען. איין מאהל איז ער קראנק גיוועזן ווייל ער האט אן גירייצט בערין אויף דיא קינדער. דאס אנדערע מאהל איז ער קראנק גיוועזן ווייל ער הט אוועק געשטויסען זיין משרת גיחזי מיט ביידע הענט. אונ דאס דריטע מאהל איז ער קראנק גיוועזן וואס ער האט געדארפט שטארבען. אזו וויא עס שטייט אין פסוק אונ אלישע איז קראנק גיווארין זיין קראנקייט וואס ער הט גידארפט שטארבען. ביז אברהם אבינו איז קיין מענטש ניט אלט גיווארין. אונ ווייל יצחק האט אויס גיזעהן אזוי וויא אברהם. פרעגט מען האבען אטעות. ווער עס האט גיזעהן אברהם האט ער געמיינט דאס איז יצחק. אונ ווער עס האט גיזעהן יצחק האט ער גימיינט דאס איז אברהם.

ואברהם זקן בא בימים . עד יעקב לא הוה חילשא בעא רדמי והוה חולשא שנאמר (שם מח) ויאמר ליוסף הנה אביך חולה עד אלישע לא הוה איניש חליש דמתפח ואתא אלישע ובעא רחמי ואיתפח שנאמו (מ"ב יג) ואלישע חלה את חליו אשר ימות בו :

קכו משנה דור המבול אין להם חלק לעה"ב ואין עומדין בדין שנאמר (בראשית ו) לא ידון רוחי באדם לעולם לא דין ולא רוח . דור הפלגה אין להם חלק לעה"ב שנאמר (שם יא) ויפץ ה' אותם משם וכתיב (שם) ומשם הפיצם ה' אנשי סדום אין להם חלק לעה"ב (אבל עומדין בדין) . שנאמר (שם יג) ואנשי סדום רעים וחטאים בעה"ז וחטאים לעה"ב אבל עומדין בדין ר' נחמיה אומר אלו ואלו אין עומדין בדין שנאמר (תהלים א) על כן לא יקומו (דף קח)

פירוש

חלה הך חליו הכי אשר ימות בו חלה : בעי רחמי דלהוי חולשא . כדי שיהא פנאי לבניו לבא כל אחד ואחד ממקומו לבוא . עניו בשפת מיתה שכיון שרואין שנכל למטה יודעין שימות ומתקבלין וכאין : מיתפח . מתרפא : .

לא ידון רוחי לא דין ולא רוח . שאין עומדין בדין ואין להם רוח לחיות עם הצדיקים שיש להם חלק : ויפץ ה' אותם . בעוה"ז : ומשם הפיצם . בעוה"ב : אלו ואלו . אנשי דור המבול ואנשי סדום ובהדא פליג רבי נחמיה : רשעים דור המבול . דכתיב בהו כי רבה רעת האדם . חטאים אנשי סדום. דכתיב בהו רעים וחטאים : אבל עומדים הם .

האט אברהם מתפלל געווען אמענטש זאל אלט ווערין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אברהם איז אלט געוועז ער איז גיקומען אין יאהרין : ביז יעקב איז ניט געוועז קיין קראנקייט . נאר אמענטש פלעגט שטארבן פלוצלינג . האט יעקב מתפלל געוועז אז פאר דעם שטארבן זאל מען קראנק ווערין . מען זאל קענען בענטשין דיא קינדער אונ זאגן ווידוי אונ צוא טיילען דיא ירושה אונ נאך אנדערע זאכען וואס אמענטש דארף טאהן פאר זיין טויט . אזו ווי עס שטייט אין פסוק מען האט גזאגט צוא יוסף דיין פאטער איז קראנק . ביז אלישע איז קיין מענטש ניט געזונד געווארין פון זיין קראנקייט . נאר איידער ער האט געדארפט שטארבן איז ער קראנק גיווארן אונ גישטארבן . איז געקומען אלישע אונ האט מתפלל געווען אמענטש זאל קראנק ווערין אפילו ווען ער דארף ניט שטארבן , (נאר ער זאל זיך דער מאנען תשובה צוא טאהן אונ פרימער צו ווערין ווייל ער וועט מורא האבן) אונ ער זאל געזונד ווערין פון זיין קראנקייט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אלישע איז קראנק געוועז זיין קראנקייט וואס פון איר האט ער געדארפט שטארבען . פון דעם פסוק זעהן מיר אז אוסער דיא לעצטע קראנקייט איז ער שוין אמאהל קראנק געוועז וואס ער איז פון דיא קראנקייט נישט געשטארבען נאר געזונד געווארין :

קטן משנה : דור דיא מענטשין וואס זענען געשטארבען פון מבול האבען נישט קיין חלק עולם הבא . אונ זייא וועלין ניט געמשפט ווערין אין גיהנם . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק לא ידון רוחי באדם לעולם מיין דין אונ מיין רוח וועט ניט זיין אין דיא מענטשין אויף אייביג . נישט איך וועל זייא משפטין . אונ איך וועל אין זייא נישט געבין אלעבעדיגען אטעם זייא זאלען קענען לעבעדיג ווערין צו תחיית המתים :

דור הפלגה . דיא מענטשין וואס האבען געמאכט דעם הויכען טורעם וויא עס שטייט אין דיא סדרה נח והאבען זייא ניט קיין חלק עולם הבא אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט זייא פאר שפרייט פון דארט אויף דער גאנצער וועלט . דער ווארט (ומשם פון דארט) איז איבעריג . עס דארף שטיין גאט האט זיי פאר שפרייט אויף דיא גאנצע וועלט . נאר אזוי מיינט דער פסוק גאט האט זיי פאר שפרייט אויף די וועלט . אונ פון דארט טאמער שטארבט ער . דער נאך האט זיי גאט אויך פאר שפרייט . זיי זאלין ניט האבין קיין עולם הבא . די מענטשין פון סדום וועלין ניט האבין קיין חלק עולם הבא . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די מענטשין פון סדום זענען געוועז שלעכט (צו מענטשין) אונ זינדיג צו גאט זייער שטארק . ווייל זיי זענען גיוועז שלעכט צו מענטשין דריבער האט זיי גאט פאר טריבען פון די וועלט . אונ ווייל זיי זענען גיוועז זינדיג צו גאט . דריבער וועלין זיי ניט האבין עולם הבא . אבער זיי וועלין שטיין צום משפט . רבי נחמיה זאגט די מענטשין וואס זענען דער טרונקען גווארין אין מבול אונ די מענטשין

רשעים במשפט וחטאים בעדת צדיקים על כן לא יקומו רשעים במשפט זה דור המבול וחטאים בעדת צדיקים אינם עומדין אבל עומדין בעדת רשעים :

וכו׳ . שחיין ונדונין : נשמתן קשה להם בגיהנם : נשמת עצמן שורפתן דכתיב רוחכם אש תאכלכם :

קטז גמ׳ ת״ר דור המבול אין להם חלק לעה״ב שנאמר (בראשית ז) וימח את כל היקום אשר על פני האדמה וגו׳ וימח את כל היקום בעולם הזה וימחו מן הארץ לעולם הבא דברי רבי עקיבא רבי יהודה בן בתירה אומר לא חיין ולא נידונין שנאמר לא ידון רוחי באדם לעולם לא דין ולא רוח דבר אחר לא ידון רוחי שלא תהא נשמתן חוזרת לנדנה ר׳ מנחם בר׳ יוסי אומר אפי׳ בשעה שהקדוש ברוך הוא מחזיר נשמות לפגרים כתים נשמתן קשה להם בגיהנם שנאמר (ישעיה לג) תהרו חשש תלדו קש רוחכם אש תאכלכם :

קיז ת״ר דור המבול לא נתגאו אלא בשביל טובה שהשפיע להם הקב״ה ומה כתיב בהם (איוב כא) בתיהם שלום מפחד וגומר וכתיב (שם) שורו עבר ולא

פון סדום וועלין ניט שטיין צום משפט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דריבער וועלין ניט אויף שטיין דיא רשעים צום משפט אונ דיא זינדיגע וועלין ניט זיין אין דיא פאר זאמלונג פון צדיקים . דיא רשעים וועלין ניט אויף שטיין צום משפט . דאס מיינט מען דיא רשעים וואס זענען דער טרונקען געווארן אין מבול . אונ דיא זינדיגע וועלן ניט זיין אין דיא פאר זאמלונג פון צדיקים . דאס מיינט מען דיא זינדיגע מענטשין פון סדום . האבען דיא חכמים גזאגט צו רבי נחמיה דיא מענטשין פון סדום וועלין ניט זיין אין די פאר זאמלונג פון צדיקים . אבער זיי וועלין זיין אין די פר זאמלונג פון רשעים . זייא וועלין געמשפט ווערין גלייך מיט אלע רשעים :

קטז גמרא תנו רבנן . דיא רבנן האבען גילערונט דיא מענטשין וואס זענען דער טרונקען געווארן אין מבול האבען ניט קיין עולם הבא . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער האט אפ גימעקט אלץ וואס אויף דיא ערד איז גישטאנען . דער נאך שטייט נאך אמאהל זייא זענען אפ גימעקט געווארן פון דיא ערד . צוא וואס שטייט צוויי מאהל דער ווארט אפ גימעקט . נאר איין מאהל זענען זייא אפ גימעקט גיווארין פון דיא וועלט . אונ נאך אמאהל זענען זייא אפ גימעקט גיווארין פון עולם הבא . אזוי זאגט רבי עקיבא : רבי יהודה בן בתירה זאגט זייא וועלין נישט לעבעדיג ווערין צו עולם הבא . אונ זייא וועלין נישט געמשפט ווערין צו גיין אין גיהנם . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק לא ידון רוחי באדם לעולם . מיין דין אונ מיין רוח וועט ניט זיין אין דיא מענטשין אויף אייביג . נישט איך וועל זייא משפטין . אונ איך וועל אין זייא נישט געבין אלעבעדיגען אטעם זייא זאלען קענען לעבעדיג ווערין צוא תחיית המתים . אנדערע זאגען לא ידון רוחי באדם מיינט מען דיא נשמות זייערע וועלען ניט קומען אין זייערע שיידן די נשמות וועלען ניט אריין קומען צוריק אין גוף . רבי מנחם ברבי יוסי זאגט אפילו ווען גאט וועט צוריק קערין דיא נשמות אין דיא טויטע קערפערס . אלע טויטע מענטשין וועלען טאקי צוריק לעבעדיג ווערין : אבער דיא מענטשין וואס זענען דער טרונקען געווארן אין מבול . וועט זייערע נשמות זיין פאר ברענט פון גיהנם . אונ אז דיא נשמות וועלען אריין קומען אין גוף וועלען זייא פר ברענען דעם גוף . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק . תהרו חשש תלדו קש וואס איר וועט טראגען אונ גיבארין דאס וועט זיין אזוי וויא אשטרוי אונ אזוי וויא אפקעווע) . רוחכם אש תאכלכם . ואינ דיא נשמות וועלן זיין פייער . וועלען זייא פאר ברענען דעם גוף וואס ער איז וויא שטרויא] :

קיז תנו רבנן . דיא רבנן האבען גילערונט דיא מענטשין וואס זענען דער טרונקען געווארן אין מבול זייער גרויסקייט איז נאר גיווען ווייל גאט האט זייא גיגעבן פיל גוטס . וואס שטייט בייא זיי , זייער הייזער זענען גיווען מיט פרידען אונ עס איז ביי זייא קיין שרעק ניט גיווען .

בשביל גלגל עין. שרואים טובתם שלמה והיו גובהים עיניהם ומהלכים אחר עיניהם: במים שדומה לגלגל העין. מעינות שנובעים ממקור קטן כמו עין: שלשה נשתיירו. מאותן מעינות של דור המבול שהיו חמין כדאמריק לקמן ברותחין קלקלו וברותחין נדונו:

ולא ינעיל וגו' וכתיב (שם) ישלחו כצאן עויליהם וגו' ישאו בתף וכנור וגו' יבלו בטוב ימיהם וגו' וכתי' וברגע שאול יחתו וגו' והיא גרמה שאמרו לאל (שם) סור ממנו ודעת דרכיך לא חפצנו מה שדי כי נעבדנו וגו' אמרו כלום אנו צריכים לו אלא לטפה של גשמים יש לנו נהרות ומעינות שאנו מסתפקין מהם אמר הקב"ה בטובה שהשפעתי להם בה מכעיסים אותי ובה אני דן אותם שנאמר (בראשית ו) ואני הנני מביא את המבול מים רבי יוסי אומר דור המבול לא נתגאו אלא בשביל גלגל העין שדומה למים שנא' (שם) ויקחו להם נשים מכל אשר בחרו לפיכך דן אותם במים שדומה לגלגל העין שנאמר (שם ז) נבקעו כל מעינות תהום רבה. אמר ר' יוחנן דור המבול ברבה קלקלו וברבה נידונו ברבה קלקלו דכתיב (שם ו) וירא ה' כי רבה רעת האדם ברבה נידונו דכתיב נבקעו כל מעינות תהום רבה (וכתיב (שם ח) ויסכרו מעינות תהום) א"ר יוחנן שלשה נשתיירו מהם בליעה דגדר וחמי טבריה ועינא רבתי דבורם:

כי

אז זיין אָקס האט מעוברת געמאכט דיא קוה איז דיא זרע ביי איר געבליבען אונ זיא האט גיבאָרען אקאלב. זייערע יונגע קינדער פלעגען זייא ארויס שיקען וויא דיא שעפסען. זיי פלעגען טראָגען אפויק מיט אפידול. זייא האבען פאר בריינגט זייערע טעג מיט גוטעס. אונ ביא זייער שטארבען פלעגען זייא אויך ניט האבען קיין יסורים. נאָר אין איין רגע זענען זייא גישטארבען. אונ דיא גוטס האט זייא גיבריינגט צוא דעם שלעכטיגקייט אז זייא האבען גזאָגט צו גאט קער דיך אָפּ פון אונז אונ מיר ווילען ניט וויסען דיינע וועגין. וואס איז דען גאט מיר זאָלען איהם דינען. זיי האבען גזאָגט מיר דארפען דאך נאר גאט ער זאל אונז געבין דעם טראָפּען רעגין. מיר האבען טייכען אונ קוואלען וואס מיר קענען אונז בנוגענען מיט זייא. האט גאט גזאָגט מיט די גוטס וואס איך האב זייא גיגעבען (דיא טייכען אונ דיא קוואלען) מיט דעם דער צערענען זייא מיך. אונ מיט דעם וועל איך זייא שטראָפען. איך וועל זייא דער טריינקען אין דעם וואסער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט זאָגט אונ איך וועל בריינגען דעם פאר פלייצונג פון וואסער. רבי יוסי זאָגט דיא מענטשין וואס זענען דער טרונקען גיוואָרען אין מבול זייער גרויסקייט איז נאָר גיוועזען דורך דיא אויג זייערע וואס דיא אויג איז גלייך צו אקוואל וואסער. (ווארום דיא וואסער וואס גייט ארויס פון דיא ערד גייט אויך ארויס פון אלאך וואס איז אזוי וויא אאויג). ווייל זייא האבען גיזעהן זייער גוטס מיט זייערע אויגען. אונ וואס זייער אויג האט נאר גיזעהן אונ גיגלוסט דאס האבען זייא גיטאהן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייא האבען גענומען ווייבער וועלכע זייא האבען אויס דער ווילט. דריבער האט זייא גאט גישטראָפט מיט וואסער. ווייל דיא אויג איז אויך וויא אקוואל וואסער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס זענען צוא שפאלטען גיווארן אלע קוואלען פון גרויסען אבגרונד. רבי יוחנן זאָגט דיא מענטשין וואס זענען דער טרונקען גיוואָרען אין מבול האבען געזינדיגט מיט דעם ווארט רבה (זייא האבען צו פיל געזינדיגט). אונ זיי זענען גישטראָפט גיוואָרען מיט דעם ווארט רבה (מיט אצוגרויסע שטראָף). זייא האבען גזינדיגט מיט דעם ווארט רבה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזעהן כי רבה רעת האדם. אז דיא שלעכץ פון דיא מענטשין איז שוין צוא פיל. זענען זייא גישטראָפט גיוואָרען אויך מיט דעם ווארט רבה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נבקעו כל מעינ'ת תהום רבה עס זענען צוא שפאלטען גיוואָרען אלע קוואלען פון דעם גרויסען אבגרונד. צו דער טריינקען דיא מענטשין. זאָגט רבי יוחנן דריי ווארעמע קוואלען זענען געבליבען האפען וואס זענען נישט פאר מאכט גיוואָרען נאך דעם מבול. איין קוואל איז אין דעם אָרט גדר. דער אנדערער איז אין טבריה. דער דריטער איז דער גרויסער קוואל וואס איז דעם אָרט בירם:

(בראשית ו) קיח כי השחית כל בשר את דרכו על הארץ א"ר יוחנן מלמד שהרביעו בהמה על חיה וחיה על בהמה והכל על אדם ואדם על הכל א"ר אבא בר כהנא וכולם חזרו חוץ מתושלמי. (שם) ויאמר אלהים לנח קץ כל בשר בא לפני א"ר יוחנן בא וראה כמה גדול כחו של חמס שהרי דור המבול עברו על הכל ולא נחתם עליהם גזר דינם עד שפשטו ידיהם בגזל שנאמר (שם) כי מלאה הארץ חמס מפניהם והנני משחיתם את הארץ וכתיב (יחזקאל ו) החמס קם למטה רשע לא מהם ולא מהמונם ולא מהמהם ולא נה בהם א"ר אלעזר מלמד שזקפו עצמו כמקל ועמד לפני הקב"ה ואמר לפניו רבש"ע לא מהם ולא מהמונם ולא מהמהם ולא נה בהם. תנא דבי רבי ישמעאל אף על נח נחתם גזר דין אלא שמצא חן בעיני ה' שנאמר (בראשית ו) כי נחמתי כי עשיתם ונח מצא חן בעיני ה'. וינחם ה' כי עשה את האדם בארץ כי אתא רב דימי אמר

אמר

וכלם חזרו. להזדווג עם מיניהם: חוץ מתושלמי: עוף הוא שאותו עדיין הרכיבו רעה שמזדווג עם הכל. תושלמי עוף א' במס' חולין גבי במוגה כפקות חיה והרנגולת תושלמי ומורה והרכו של אותו עוף להרכיב כל הבריות: שזוקף עצמו כמקל. וכיינו החמס קם למטה רשע: לא מהם. אין תועלת לא בהם ולא בהמונם ולא במשלם. מהמהם אשטרי"א בלע"ז: כי נחמתי כי עשיתם

קיח כי. עס שטייט אין פסוק יעדער בשעפעניש האט פאר דארבן זיין געוואנהייט אויף דער ערד. רבי יוחנן זאגט דער פסוק צײלט אונז אז זייא האבען צו זאמען גיפארט אבהמה אזכר האט מזנה גיוועזן מיט אחיה א נקבה. אונ אחיה אזכר האט מזנה גיוועזן מיט אבהמה א נקבה. אונ בהמות אונ חיות זכרים האבען מזנה גיוועזן מיט מענשליכע נקבות. אונ מענשן זכרים האבען מזנה גיוועזן מיט בהמות אונ חיות נקבות. רבי אבא בר כהנא זאגט אלע בשעפעניש האבען זיך נאך דעם מבול צוריק גיקערט צו זייער מין. נאר דער פויגעל וואס הייסט תושלמי איז נאך היינט אויך מזנה מיט ווערכע בשעפעניש עס קומט צו איהם. עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צו נח עס איז גיקומען פאר מיר ועס איז ביי מיר געבליבען עס זאל זיין אענדע פון אלע בשעפעניש. רבי יוחנן זאגט קום אונ זעה וויא גרויס איז דיא עבירה פון גזלען. דיא מענטשין פון מבול האבען גיטאהן אלע עבירות אונ עס איז ניט גיחתמת גיווארן אויף זייא דער גזר דין ביז זייא האבען גיטאהן דיא עבירה פון גזלען אויך. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ווייל דיא וועלט איז פול גיווארן מיט רויב דריבער וועל איך זייא פארדארבין פון דער וועלט. נאך שטייט אין פסוק החמס קם למטה רשע לא מהם ולא מהמונם ולא מהמהם ולא נה בהם. רבי אלעזר זאגט דער פסוק לערונט אונז החמס קם למטה רשע אז דער מלאך וואס איז בשאפען גיווארן פון דיא עבירה פון גזלה האט זיך אויף גישטעלט וויא אשטעקין אונ הט זיך גישטעלט פאר גאט שלעכטס צו טאהן אלע מענטשין אונ האט גזאגט רבונו של עולם לא מהם עס איז נישטא קיין נוצען פון דיא מענטשין צוא דיר גאט. ולא מהמונם. אונ עס איז נישטא פון זייא קיין נוצען צוא די גאנצע בשעפעניש. ולא מהמהם. אונ עס איז נישטא קיין נוצען צו זייא אליין. ווייל זייא גזלען איינער ביא דעם אנדערין. ולא נה בהם. אונ אפילו דער נח וואס צווישען זייא טויג אויך ניט ואה ווערט פאר טאהשט אויף אהי. איז גלייך וויא עס וואלט גישטאנען ולא נח בהם. דבי רבי ישמעאל האבען גילערונט אויף נח איז אויך גיוועזן גיחתמת דער גזר דין ער זאל דער טרונקען ווערין אין מבול. נאר ער האט געפונען חן אין דיא אויגען פון גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט הט גזאגט כי נחמתי כי עשיתם ונח מצא חן בעיני ה'. שטייט דער ווארט ונח געבין דעם ווארט עשיתם. מיינט דער פסוק איך האב חרטה וואס איך האב זייא בשאפען אונ אויף גם האב איך אויך חרטה וואס איך האב איהם בשאפען. נאר פון דעסטוועגין איז נח גיוועזן בעסער פון זיי אונ ער הט געפונען חן אין די אויגען פון גאט:

עס שטייט אין פסוק וינחם ה' כי עשה את האדם בארץ. אז רב דימי איז געקומען

אמר הקב"ה יפה עשיתי שתקנתי להם קברות בארץ מאי משמע כתיב הכא וינחם וכתיב התם (שם נ) ו נחם אותם וידבר על לבם וא"ר לא יפה עשיתי שתקנתי להם קברות בארץ כתיב הכא וינחם ה' וכתיב התם (שמות לב) וינחם ה' על הרעה אשר דבר לעשות לעמו:

ומה. סמוכים דריש: יפה עשיתי כו'. שלגדתי דוך רשעים בזה: לא יפה עשיתי. דאפשר היו חוזרים:
כל שכן אילו הוה בדורות אחרים היה צדיק יותר: פלייטון. בושם שריחו נודף ואינו אפרסמון:

(בראשית ו) **קיט אלה** תולדות נח נח איש צדיק תמים היה בדורותיו א"ר יוחנן בדורותיו ולא בדורות אחרים וריש לקיש אמר בדורותיו כ"ש בדורות אחרים. א"ר חנינא משל דר' יוחנן למה הדבר דומה לחבית של יין שהיתה מונחת במרתף של חומץ במקומה ריחה נודף שלא במקומה אין ריחה נודף. א"ר אושעיא משל דריש לקיש למה הדבר דומה לצלוחית של פלייטון שהיתה מונחת במקום הטינופת במקומה ריחה נודף כל שכן במקום הבוסם (שם ז) וימח את כל היקום אשר על פני האדמה אם אדם חטא בהמה מה חטאה תנא משום ר'

פון ארץ ישראל אין בבל האט ער גזאגט וינחם ה' איז דער טייטש גאט האט זיך געטרייסט. גאט האט גזאגט איך האב גוט געטאהן וואס איך האב אנגיברייט פאר דיא מענטשין קברים אין דער ערד. ווארום אז דער מענטש וואלט לעבין אייביג. וואלט זיינע זינד צו פיל געוועזן. פון וואגען ווייסען מיר אז וינחם איז דער טייטש טרייסטען. ווארום דא שטייט וינחם. אונ דארט ביי יוסף מיט זיינע ברידער שטייט וינחם אותם וידבר על לבם. ער האט זייא געטרייסט אונ האט גירעט צו זייא גוטע רייד וואס האט ברוהיגט זייערע הערצער. זעהן מיר אז וינחם איז דער טייטש טרייסטען. אנדערע זאגן וינחם ה' איז דער טייטש גאט האט חרטה גיהאט. גאט האט גזאגט איך האב ניט גוט גיטאהן וואס איך האב אן גיברייט פאר דיא מענטשין קברים אין דער ערד. אזוי אשיינע בשעפעניש וויא דער מענטש איז אויף דער וועלט. זאל ער בארפן בגראבען ווערין אין דער ערד. נאר איך האב איהם גידארפט בשאפען אן אַיצר הרע ער זאל ניט זינדיגען אונ זאל לעבין אייביג. פון וואגען ווייסען מיר אז וינחם איז דער טייטש חרטה. דא שטייט וינחם ה'. אונ דארט שטייט וינחם ה' על הרעה אשר דבר לעשות לעמו. גאט האט חרטה גיהאט אויף די שלעכטס וואס ער האט גירעט צו טאהן צו זיין פאלק. זעהן מיר אז וינחם איז דער טייטש חרטה:

קיט אלה תולדות נח נח איש צדיק תמים היה בדורותיו. דאס זענען די קינדער פון נח. נח איז גיוועזן אפרומער מענטש מיט גאנצקייט אין זיינע דורות. רבי יוחנן זאגט אין זיינע דורות איז ער גיוועזן גירעכנט פאר אצדיק ווייל אלע זענען גיוועזן רשעים. אבער אז נח וואלט גיוועזן אין אנדערע דורות צווישען צדיקים. וואלט ער ניט גיוועזן גירעכנט פאר אצדיק. אונ ריש לקיש זאגט פארקערט. נח איז גיוועזן אצדיק אפילו אין זיינע דורות וואס אלע זענען גיוועזן רשעים. אז ער וואלט גיוועזן אין אנדערע דורות צווישען צדיקים וואלט ער גיוועזן נאך איין גרעסערער צדיק. רבי חנינא זאגט אמשל צו רבי יוחנן'ס רייד. נח איז גלייך צו אפאס ווין וואס איז גישטאנען אין אקעלער צווישען פעסער עסיג. האט מען גישמעקט דעם ריח פון די ווין. ווייל דיא ווין איז גיוועזן צווישען עסיג. אבער אז דיא פאס ווין וואלט גישטאנען צווישען בעסערע פעסער ווין וואלט מען איר ריח גאר ניט גישמעקט. רבי אושעיא זאגט אמשל צו די רייד פון ריש לקיש. נח איז גלייך צוא אגלעזעל מיט בשמים וואס איז גישטאנען אויף אפארשטונקענעם ארט. פון דעסטוועגין הט גישמעקט פון די בשמים. מכל שכן אויף אפארשטונקענעם ארט האט דיא בשמים גישמעקט. אז דיא בשמים וואלט גיווען אויף אריינעם ארט. וואלט געווים גישמעקט. עס שטייט אין פסוק גאט האט אפ גימעקט דאס גאנצע בשטאנד וואלע בשעפעניש וואס איז גיוועזן אויף דער ערד. פרעגט דיא גמרא אויב מענטשין האבען גזינדיגט וואס האבען דיא בהמות גזינדיגט. ענפערט די גמרא מיר האבען גילערנט פון רבי יהושע

ר׳ יהושע בן קרחה משל לאדם שעשה (סעודה) [חופה] לבנו והתקין מכל מיני סעודה לימים מת בנו עמד ופזר את חופתו אמר כלום עשיתי אלא בשביל בני עכשיו שמת בני חופה ל״ל אף הקב״ה אמר כלום בראתי בהמה וחיה אלא בשביל אדם עכשיו שאדם חטא בהמה וחיה ל״ל. (שם) מכל אשר בחרבה מתו ולא דגים שבים. דרש ר׳ יוסי דמן קסרי מ״ד (איוב כד) קל הוא על פני מים תקולל חלקתם בארץ מלמד שהיה נח הצדיק מוכיח בהם ואמר להם עשו תשובה ואם לאו הקב״ה מביא עליכם את המבול וכקפה נבלתכם על המים כזיקים שנאמר קל הוא על פני מים ולא עוד אלא שלוקחין מהם קללה לכל באי עולם שנאמר תקולל חלקתם בארץ. (שם) לא יפנה דרך כרמים מלמד שהיו מפנים דרך כרמים אמרו לו ומי מעכב אמר להם פרידה אחת יש לי להוציא מכם (כ״ג) אם כן לא נפנה דרך כרמים׃

מקפה. מליף כמו ויקף הברזל דמתרגמינן וקפא כזיקים. נאדות: לא יפנה דרך כרמים אמרו לו ומי מעכב. שאינו עושה מיד אם יש בידו כח לעשות כן: פרידה א׳ יש לי לגאולה מכם. מתושלח הצדיק ימות קודם ולא יהא נדון עמכם: א״נ לא נפנה דרך כרמים. כלומר לא נסור ולא נפנה את דרך הכרמים אלא כל שעה נלך בהם כלומר ה״כ לא נלך דרך כבושה ולא נחזור מסורנו אלא נלך בקלקול השורה דרכים מעוכבים בקוצים ובקמים כעין שבילי כרמים׃

דרש

בן קרחה׳ם וועגן דאס איז גליך צו א מענטשען וואס האט גימאכט א חופה צו זיין זוהן אונ ער האט אנגעברייט אלע ערליי שפייזען צו א סעודה. דער ווייל איז דער זוהן גישטארבען. האט ער פאטער צו ווארפען דיא חופה מיט דער סעודה. אונ ער האט גיזאגט די חופה מיט דער סעודה האב איך דאך נאר אן גבגרייט פון וועגין מיין זוהן. איצט אז מיין זוהן איז גישטארבען צו וואס טויג מיר דיא חופה מיט דיא סעודה. גאט האט אויך אזוי גיזאגט. אלע בהמות אונ חיות האב איך דאך נאר בשאפען פון וועגען דעם מענטשען. איצט אז דער מענטש האט געזינדיגט און ער שטארבט אין מבול. צוא וואס טויג מיר דיא בהמות מיט דיא חיות. עס שטייט אין פסוק אלין וואס אויף דיא טריקענעש איז גישטארבען. אבער דיא פיש וואס אין ים זענען נישט גישטארבען. רבי יוסי פון קסרי האט גידרשת עס שטייט אין פסוק ער איז גרינג אויף דעם וואסער עס וועט פאר פלוכט ווערין זייער חלק אויף דער ערד. דער פסוק לערונט אונז אז דער צדיק נח האט גישטראפט די מענטשין פון זיין דור. אונ ער האט גזאגט צו זיי טוהט תשובה. אונ אויב ניט וועט גאט אויף אייך ברייינגען דעם מבול. אונ ער וועט מאכען שווימען אייערע טויטע קערפערס אויף דעם וואסער אזוי וויא לאגלען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער איז גרינג צו שווימען אויף דעם וואסער. אונ נאך מער עס וועט פון זייא גינומען ווערין א קללה אויף דער גאנצער וועלט׃ אז איינער וועט וועלען פלוכין. וועט ער זאגין דוא זאלסט ווערין פאר פלוכט וויא דיא מענטשין פון מבול. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס וועט פאר פלוכט ווערין זייער חלק אויף דער וועלט. עס שטייט אין פסוק לא יפנה דרך כרמים. ער וועט ניט אפ ראמען דיא וועג פון דיא ווייננערטנער. דער פסוק צייגט אונז ווען נח האט גישטראפט דיא מענטשין זייא זאלין תשובה טאהן. אונ אויב ניט וועט גאט ברייינגען א מבול. האבין דיא מענטשין גיזאגט צו נח ווער לאזט דען ניט גאט זאל שוין ברייינגען דעם מבול. דוא האסט דאך גזאגט אז נאר הונדערט מיט צוואנציג יאהר וועט גאט ווארטען. עס איז שוין נאך דיא הונדערט מיט צוואנציג יאהר׃ האט גאט גזאגט צו זייא איין טאהב האב איך ארויס צוא נעמען פון אייך. דאס איז מתושלח הצדיק. אונ איך וויל מען זאל אויף אים טרויערין זיבען טעג דריבער וועט דער מבול אויף גיהאלטען ווערין נאך זיבען טעג. האבען זייא גזאגט אויב עס איז אזוי וועלין מיר טאקי תשובה טאהן אונ מיר וועלין שוין ניט אפ ראמען דיא וועגין פון דיא ווייננערטנער. ווארום מיר וועלין שוין ניט טרינקען קיין ויין׃ דס האבען זיי גילאכט פון נחם מוסר׃

קב דרש רבא מאי דכתיב (איוב יב) לפיד בוז לעשתות שאנן נכון למועדי רגל מלמד שהיה נח הצדיק מוכיח אותם ואומר להם דברים קשים כלפידים והיו מבזין אותו אמרו לו זקן תיבה זו למה אמר להם הקב"ה מביא עליכם את המבול אמרו מבול של מה אם מבול של אש יש לנו דבר אחד ועליתא שמה ואם של מים הוא מביא אם מן הארץ הוא מביא יש לנו עששיות של ברזל שאנו מחפין בהם את הארץ ואם מן השמים הוא מביא יש לנו דבר ועקב שמו ואמרי לה עקש שמו אמר להם הוא מביא מבין עקבי רגליכם שנאמר (שם) נכון למועדי רגל. תניא מימי המבול קשים (ועבים) כשכבת זרע שנאמר נכון למועדי רגל. א"ר חסדא ברותחין קלקלו בעבירה וברותחין נידונו כתיב הכא (בראשית ח) וישכו המים וכתיב התם (אסתר ז) וחמת המלך שככה:

(בראשית ז) קכא ויהי לשבעת הימים ומי המבול היו על הארץ מה טיבם של שבעת הימים

פירוש: לעשתות. כמו שמהומה שיושבין בלבן וחושבין מחשבות רעות : עליתא שמה . ואין אש שולטת בה : מבין עקבי רגליכם . כשכבת זרע שהבא יכול להמית אתכם . ל"א מבין עקבי רגליכם מן הרגל יוצאה משם מים אם היה רוצה ואי אפשר להבוא רגליכם בעשביות : כשכבת זרע . רותחין והכין היו ענין ל"נ ופירוש הוא : המת המלך שככה . נחה מרתחו הכי נמי מים נחו מרתחן :

קב דרש. רבא האט גידרשת עס שטייט אין פסוק לפיד בוז לעשתות שאנן נכון למועדי רגל. דער פסוק דער צייגט אונז אז נח הצדיק האט געשטראפט די מענטשין אונ ער האט גזאגט צו זייא שטארקע רייד וואס האט געברענט וויא פייער ולפיד איז דער טייטש אפלאם פייער. בוז. האבען די מענטשין פר שעמט דעם נח אונ האבען גזאגט צו איהם דו אלטער וואס טויג דיר דיא תיבה (דיא שטוב) וואס דוא האסט געבאהט. האט נח צוא זייא גזאגט גאט וועט ברייגגען אויף אייך אמבול. האבען זייא גזאגט פון וואס וועט זיין דער מבול. אויב עס וועט זיין אמבול פון פייער האבען מיר איין זאך דאס הייסט עליתא ואז מען ברענט פייער מאג אונ נאכט אויף איין ארט זיבען יאהר. קומט ארויס אחיה וואס זיא הייסט עליתא ואדער סלמנדרא. דער מענטש וואס בשמירט זיך מיט איר בלוט. ווערט ער ניט פר ברענט פון פייער. אונ אויב ער וועט ברייגגען אמבול פון וואסער. פון וואנען וועט קומען די וואסער. אויב ער וועט ברייגגען די וואסער פון דער ערד. האבען מיר שטיקער אייזין וואס מיר וועלין מיט זייא בדעקין די ערד די וואסער זאל ניט ארויף קומען. אונ אויב ער וועט ברייגגען די וואסער פון הימעל, האבען מיר אזוי אזאך דאס הייסט עקב. אנדערע זאגין דאס הייסט עקש ודם איז אזוי אשוואם וואס ער קען איין זאפען אין זיך אלע וואסערין. דאס מיינט דער פסוק לעשתות שאנן. זייא זיצען מיט רוהיגע גידאנקען אז זייא האבען פאר קיין זאך קיין מורא ניט. האט נח צוא זייא גזאגט גאט וועט אויף אייך ברייגגען אמבול וואסער פון דיא טריט פון אייערע פיס. פון דעם ארט וואו איר שטייט קען גאט ברייגגען אמבול וואסער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נכון למועדי רגל. איר זענט אן גיבריים אויס געגליטשט צו ווערין אין דעם וואסער וואס וועט ארויס גיין פון דעם ארט וואו אייערע פיס שטייען. מיר האבען גילערונט דיא וואסער פון מבול זענען גיוועזען געדיכט אזוי ווי שכבת זרע. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נכון למועדי רגל: דיא מענטשין זענען גיוועזען אן גיבריים צו דער טרונקען ווערין אין אזעלכע וואסער וואס זענען גיוועזען וויא דיא שכבת זרע וואס גליטשט זיך ארויס פון צווישען דיא פיס. רב חסדא זאגט די מענטשין האבען גזינדיגט מיט הייסע שכבת זרע אונ מיט הייסע וואסער זענען זייא גשטראפט גיווארן. ווארום דא שטייט וישכו המים אונ דארט שטייט וחמת המלך שככה. דער כעס פון מלך ווען ער האט געברענט וויא פייער איז שטיל גיווארן: אזוי דא מיינט מען אויך דיא וואסער זענען שטיל גיווארן פון זייער היץ:

קכא ויהי. אונ עס איז גיוועזען צום סוף זיבען טעג איז גיווארן אמבול וואסער אויף דער ערד. וואס זענען גיוועזען דיא זיבען טעג: רב זאגט דאס זענען דיא זיבען טעג וואס מען

הימים אמר רב אלו ימי אבלות של מתושלח למדך שהספדן של צדיקים מעכבת את הפורענות לבא דבר אחר לשבעת ששינה הקב"ה עליהם סדרי בראשית שהיתה החמה יוצאת במערב ושוקעת במזרח. דבר אחר שקבע להם הקב"ה זמן גדול ואח"כ זמן קטן. דבר אחר לשבעת הימים שהטעימם מעין העולם הבא כדי שידעו מה טובה מנעו מהם. (שם) מכל הבהמה הטהורה תקח לך שבעה שבעה איש ואשתו אישות לבהמה מי אית לה א"ר שמואל בר נחמני א"ר יונתן מא תן שלא נעבדה בהם עבירה מנא ידע אמר רב חסדא שהעבירן לפני התיבה כל שהתיבה קולטתו בידוע שלא נעבדה בהם עבירה וכל שאין התיבה קולטתן בידוע שנעבדה בהם עבירה רבי אבהו אומר מאותן הבאים מאליהן:

(בראשית ו) **קכב עשה** לך תבת עצי גפר מאי גופר א"ר אדא אמרי דבי ר' שילא זו מבליג ואמרי לה גולמיש. (שם) צהר תעשה לתבה א"ר יוחנן א"ל הקב"ה לנח קבע בה אבנים טובות ומרגליות כדי שיהיו מאירות לכם כצהרים. ואל אמה

סדרי בראשית. והיינו לשבעת הימים סדר שבעת ימי בראשית שינה להם: זמן קטן אחר זמן גדול. בתחלה אמר להם והיו ימיו מאה ועשרים שנה כשעבר זמן זה לא שבו לטובה חזר וקבע להם זמן קטן: אישות לבהמה מי אית לה. נקבה אשת נשכבת לבהמה זכרים ואין זו אישות: שלא נעבדה בהם עבירה. שלא נזקקו אלא למין זוגם: מבליי

האט גיטרויערט אויף מתושלח. דער פסוק לערונט אונז אז דער הספד פון צדיקים האלט אויף דיא פורענות זייא זאלין ניט קומען אויף דער וועלט. אנדערע זאגען דיא זיבען טעג מיינט מען נאט האט גיענדערט דעם ארדענונג וואס ער האט בשאפען אין דיא זיבען טעג. ביז איצט פלעגט דיא זוהן ארויס גיין פון מזרח אונ זיא פלעגט אונטער גיין אין מערב. אונ אין דער צייט פלעגט דיא זוהן ארויס גיין פון מערב אונ אונטער גיין אין מזרח. אנדערע זאגען גאט האט פריער אויס גיזעצט אגרויסע צייט זייא זאלען תשובה טאהן. ביז הונדערט מיט צוואנציג יאהר. אונ אז דיא צייט האט זיך שוין אויס גילאזן אונ זייא האבען נאך ניט תשובה גיטאהן: האט גאט זייא גיגעבען נאך אקליינע צייט פון זיבען טעג זייא זאלען תשובה טאהן. אנדערע זאגען אין דיא לעצטע זיבען טעג פאר דעם מבול האט גאט זייא גיגעבען פאר זוכען דעם טעם פון עולם הבא. זייא זאלען וויסען וועלכע גוטס זייא האבען פאר לארין דורך זייערע עבירות. עס שטייט אין פסוק פון אלע ריינע בהמות זאלסטו נעמען זיבען מאן אונ ווייב. האט דען אבהמה אווייב אדער אמאן. יעדער בהמה האט פיל מאנען אונ פיל ווייבער. האט רבי שמואל בר נחמני גזאגט פון רבי יונתן וועגין מען מיינט ער זאל נעמען אזעלכע בהמות וואס האבען זיך בהעפט נאר מיט זייער מין. אונ זייא האבען ניט מזנה גיוועזן מיט איין אנדער מין. פון וואנען האט נח דאס גיקענט וויסען וועלכע בהמה האט יא מזנה גיוועזן אונ וועלכע ניט. האט רב חסדא גזאגט נח האט אלע בהמות געפירט פאר ביי דיא תיבה: דיא בהמה וואס דיא תיבה האט איהר צוא גענומען. האט מען געוואוסט אז מיט איר איז ניט גיטאהן גיווארין קיין עבירה. אונ דיא בהמה וואס דיא תיבה האט איר ניט צו גענומען. האט מען געוואוסט אז מיט איר איז יא גיטאהן גיווארין אעבירה. רבי אבהו זאגט דיא בהמות חיות עופות וואס האבען ניט מזנה גיוועזן זענען אליין גיקומען אין דער תיבה: אונ דיא וואס האבען מזנה גיוועזן זענען גאר ניט גיקומען צו דער תיבה:

קכב עשה. דוא זאלסט דיר מאכען אשטוב פון גופר האלץ. וואס איז גופר. רב אדא זאגט פון דבי רבי שילאס וועגין גופר איז מבליג. אנדערע זאגען גופר איז גולמיש ומבליג און גולמיש דאס איז אזעלכע האלץ: עס שטייט אין פסוק צהר תעשה לתבה. וואס איז צהר רבי יוחנן זאגט גאט האט גזאגט צו נח שטעל אריין אין דיא ווענט פון דער תבה דימאנטין אונ בריליאנטין דאס וועט אייך ליכטיג מאכען אזוי וויא דיא זוהן אין מיטען טאג. די תבה זאל זיין הויבען אזוי שמאהל ביז אאייל ברייט. אז זיא וועט זיין אזוי גימאכט וועט זיא קענען

אמה תכלנה מלמעלה דבהכי הוא דקיימא תחתים שנים ושלשים תעשה תנא תחתים לזבל אמצעים לבהמה עליונים לאדם . וישלח את העורב אמר ריש לקיש תשובה נצחת השיבו עורב לנח א"ל רבך שונאי ואתה שנאתני רבך שונאני מן הטהורים שבעה מן הטמאים שנים ואתה שנאתני שאתה מניח ממין שבעה ושולח ממין שנים אם פגע בי שר חמה או שר צנה לא נמצא עולם חסר בריה אחת ועוד א"ל שמא לאשתי אתה צריך א"ל רשע במותר לי נאסר לי בנאסר לי לא כל שכן ומנא לן דנאסרו עליו דכתיב וכאת אל התבה אתה ובניך ואשתך ונשי בניך אתך ובתיב צא מן התבה אתה ואשתך ובניך ונשי בניך אתך וא"ר יוחנן מכאן שנאסרו בתשמיש המטה ، ת"ר שלשה שמשו בתבה וכולם לקו כלב ועורב וחם . כלב נקשר . עורב רוקק . חם לקה בעורו . (שם ח) וישלח את היונה מאתו לראות הקלו המים אמר ר' ירמיה מכאן שדירתם של עופות טהורים עם הצדיקים . (שם) והנה עלה זית טרף בפיה א"ר אלעזר אמרה יונה לפני

טבלנה . ען הוא : במותר לי . אפי' באשתי אני אסור : . רוקק . הזרע מפיו לפיה של נקבה . לקה בעורו. שיצא ממנו כוש : מאתו . גבי עורב לא כתיב מאתו מכאן שדירתם וכו' כלומר שאין הוא להם שדרים אלא שמדירין בצדיקים כדאמרינן בחכמה אחריתי : זית טרף בפיה . בפיה

שטיין · אונטערשטע שטובין . אויף דיא שטובין נאך אנדערע שטובין . אונ אויף דיא אנדערע שטובין זאל זיין דריטע שטובין · מיר האבען גילערונט דיא אונטערשטע וואוהנונגען זענען גיוועזען צוא מיסט · דיא מיטעלסטע וואוהנונגען זענען גיוועזען צו בהמות : אונ דיא אובערשטע וואוהנונגען זענען גיוועזען צו מענטשין. נח האט ארויס געשיקט דיא קראה זעהן אויב די וואסער איז גרינגער גיווארן · ריש לקיש זאגט אשטארקע אנטווארט האט דיא קראה גיענפערט צו נח · דיא קראה האט גזאגט צוא נח דיין בעל הבית (גאט) האט מיך פיינט . אונ דוא האסט מיך אויך פיינט . דיין בעל הבית האט מיך פיינט פון דיא ריינע בהמות האט ער גיהייסען נעמען זיבען . אונ פון דיא אומריינע האט ער גיהייסען נעמען נאר צוויי . אונ דו האסט מיך אויך פיינט . פון דיא מינים וואס זענען דא צוא זיבען שיקסטו קיינעם ניט . אונ פון דיא וואס זענען נאר דא צוויי שיקסטו יא . טאמער וועט מיך בגעגענען דער שר פון היץ אדער דער שר פון קעלט . אונ איך וועל שטארבען פון היץ אדער פון קעלט · וועט דאך פעלין אויף אייביג דער מין בשעפעניש אויף דער וועלט . נאך האט דיא קראה גזאגט צו נח טאמער ווילסטו מזנה זיין מיט מיין ווייב . האט נח גזאגט צוא דער קראה דוא רשע מיין ווייב וואס זיא איז אייביג מותר צו מיר . איז זיא היינט אסור גיווארין צוא מיר . דיין ווייב וואס זיא איז אייביג אסור צוא מיר . איז זיא דאך היינט געוויס אסור צוא מיר . אונ פון וואנען ווייסען מיר אז נח האט ניט גיטארט זיין בהעפט מיט זיין ווייב אין דער תבה . ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צוא נח דוא זאלסט קומען אין דער תבה דוא מיט דיינע זיהן (בזונדער) . אונ דיין ווייב מיט די ווייבער פון דיינע זיהן (בעזונדער) . דער נאך ביי דעם ארויס גיין פון דער תבה האט גאט גזאגט צו נח גייא ארויס פון דער תבה דוא מיט דיין ווייב צוא זאמען . אונ דיינע זיהן צו זאמען מיט זייערע ווייבער . האט רבי יוחנן גזאגט פון דאנען זעהן מיר אז ווען זייא זענען גיוועזען אין דער תבה האבען זיך ניט גיטארט בהעפטין דיא מאנען מיט די ווייבער . דיא רבנן האבען גילערונט דריי האבען זיך בהעפט אין דער תבה מיט זייערע ווייבער . אונ זייא זענען גישטראפט גיווארן . דער הונט . דער קראה . אונ חם דער זוהן פון נח . דער הונט איז גישטראפט גיווארן אז נאך זיין תשמיש ווערט ער פאר בונדען צו די נקבה אונ קען ניט ארויס ציהען פון איר זיין גליד נאר דורך גרויס יסורים . דער קראה וואס איז א זכר שפייט אויס די זרע פון זיין מויל אין דיא מויל פון דער קראה וואס איז א נקבה · אונ ער האט ניט קיין הנאה . חם איז גישטראפט גיווארן פון איהם איז גיבארין גיווארן כוש . וואס דיא הויט זיינע איז שווארץ . עס שטייט אין פסוק נח האט געשיקט דיא טויב פון זיך צו זעהן אויב דיא

לפני הקב"ה רבש"ע יהיו מזונותי מרורים כזית ומסורים בידך ואל יהיו מתוקים כדבש ומסורים ביד בשר ודם מאי משמע דהאי טרף לישנא דמזוני הוא דכתיב (משלי ל) הטריפני לחם חקי. (בראשית ח) למשפחותיהם יצאו מן התבה א"ר יוחנן למשפחת תם ולא הם:

קכג אמר רב חנא בר (ליואי) [ביזנא] א"ל אליעזר לשם רבא כתיב למשפחותיהם יצאו כן התבה אתון היכי הויתון א"ל צער גדול היה לנו בתיבה בריה שדרכה להאכילה ביום האכלנוה ביום שדרכה להאכילה בלילה האכלנוה בלילה. האי זיקתא לא הוה ידע אבא מה אכלה יומא חד הוה יתיב וקא פאלי רמונא נפל הולעתא מיניה אכלה מכאן ואילך הוה גביל ליה היזרא כי מתלע אכלה. אריה אשתא זינתיה דאמר רב לא בציר משיתא ולא טפי

היתה שולה מזון טרף של זית: למשפחותיהם יצאו מן התבה. אלמא כל חד וחד בבני עמו היה ולא היו אוכלין כלם באבוס אחד אלא משפחות משפחות היו סרוין:

אמר ליה. אליעזר עבד אברהם: לשם רבא. גדול בנו של נח: היכי אתון הויתון. היאך הייתם יכולין להכין עניניהם בכך לעשות לכל בריה ובריה הפלה: זיקתא. שם בריה: פאלי. מהתך כמו פלי פלויי במסכת נדה: אשתא זינתיה. המה אחזיו וזנו ולא היה חושש לדרוש מאחר בהמות: לא בציר משיתא ולא טפי מתריסר זינא אשתא: אין לך חמה קלה שלא תהיה תמימותו יכול לזונו ששת ימים בלא ימות בלא מאכל ואין לך חמה שיכולה לזון יותר מי"ב ימים בלא מאכל ומפסם כך שמעתי. אית דגרסי לא פחות משבעה תדפים

וואסער איז גרינגער געוואָרן. רבי ירמיה זאָגט ווייל עס שטייט דער וואָרט פון זיך. זעהן מיר אז דיא טויב איז געוועזען געבען נח. וואָרום דיא ריינע עופות דער קענען וועלכער מענטש איז אצדיק אונ זייא ווילען וואוהנען נעבען דיא צדיקים. עס שטייט אין פסוק והנה עלה זית טרף בפיה. רבי אלעזר זאָגט דיא טויב האָט געזאָגט פאר גאָט רבונו של עולם מיין שפייז זאָל זיין ביטער אזוי וויא איילבירטען נאָר זייא זאָלען זיין פון דיין האַנט. אונ זייא זאָלען ניט זיין זיס וויא האָניק אונ איבער געגעבען אין אמענטשישען האַנט ואיז דער טייטש אין פסוק בפיה. זיא האָט געזאָגט מיט איר מויל. והנה עלה זית טרף מיין שפייז זאָל זיין אפילו אזוי ביטער וויא דער בלאַט פון דעם איילבירט. וויל איך ניט צוריק גיין אין דער תיבה געשפייזט ווערין פון נחס האַנט). פון וואַנען ווייסען מיר אז טרף איז דער טייטש שפייז. וואָרום עס שטייט אין פסוק הטריפני לחם חוקי. שפייז מיך מיין געצליכעס ברויט. עס שטייט אין פסוק למשפחותיהם יצאו מן התיבה. זאָגט רבי יוחנן זייא זענען נאָר אַרויס געגאַנגען פון דער תיבה אין דעם זכות פון דיא משפחות וואס וועט פון זייא געבאָרען ווערין. אָבער ניט אין זייער אייגענעם זכות:

קכג אמר. רב חנא בר ביזנא האט געזאָגט אליעזר דער קנעכט פון אברהם אבינו האָט געזאָגט צו שם וואס ער איז געוועזען דער עלטערער זוהן פון נח עס שטייט אין פסוק משפחות זענען אַרויס געגאַנגען פון דער תיבה. זענען דאך בהמות חיות עופות געוועזען זייער פיל וויא אזוי האָט איהר געקענט שפייזען אזוי פיל בשעפעניסען. האָט שם געזאָגט צו אליעזר מיר האָבען געהאַט אין דער תיבה גרויס צער. דיא בשעפעניש וואס איהר שטייגער איז צוא עסין בייא טאָג האָט מען איהר געמוזט געבען עסען בייא טאָג. אונ דיא בשעפעניש וואס איהר שטייגער איז צו עסען בייא נאַכט האָט מען איר געמוזט געבען עסען בייא נאַכט. דיא בשעפעניש וואס הייסט זיקתא האָט מיין פאטער ניט געוואוסט וואס איהר עסען איז. אמאָהל איז מיין פאטער געזעסען אונ האָט געשניטען מילגרויטען איז אַרויס געפאַלען אווארעם פון דעם מילגרוים. האָט דער זיקתא אויף געגעסען דעם וואָרעם האָט שוין מיין פאטער גוט געוואוסט אז דער זיקתא עסט ווערים. פון דער צייט אָן אונ ווייטער פלעגט מען איהם געבען אלע זאַכין וואס איז ווערעמדיג געוואָרין אונ ער פלעגט דאס עסען. דער לייב האָט בעקומען איין היץ קראַנקייט האָט איהם דיא היץ געשפייזט אז ער האָט ניט געוואָלט עסען. וואָרום רב האָט געזאָגט דיא קלענסטע היץ קראַנקייט קען שפייזען דעם מענטשין אויף זעקס טאָג אונ אויף זעקס נעכט ער זאָל קענען לעבין אין זייא אָן עסין אונ טרינקען. אונ די גרעסטע היץ

טפי מתריסר זינא אשתא. אורשינא אשכחיה אבא דגני בספנא דתיבותא א"ל לא בעית מזוני א"ל חזיתיך דהוה טרידת אמינא לא אצערך אמר ליה יהא רעוא דלא תמות שנאמר (איוב כט) ואומר עם קני אגוע וכחול ארבה ימים:

קכד אמר רב חנא בר ליואי א"ל שם רבא לאליעזר כי אתו עלייכו מלכי מזרח ומערב אתון היכי עבדיתו א"ל אייתיה הקב"ה לאברהם ואותביה מימיניה והוו שדינן עפרא והוו חרבי גילי והוו גידי שנאמר (תהלים קי) לדוד מזמור נאם ה' לאדני שב לימיני עד אשית אויביך וגו' וכתיב (ישעיה מא) מי העיר ממזרח צדק קראהו לרגלו יתן לפניו גוים ומלכים ירד יתן כעפר חרבו כקש נדף קשתו. נחום איש גם זו היה רגיל דכל דהוה כלקא ליה אמר גם זו לטובה יומא חד בעו ישראל לשדורי דורון לבי קיסר וכו':

(דף קח) קכה פיסקא דור הפלגה אין להם חלק לעולם הבא מה עבוד אמרי דבי

פירוש: ולא יותר מי"ב חדשים זינא אשתא ולאחריה קאי כלומר לא פחות מו' חדשים ולא יותר מי"ב חדשים אלא נכירא לי: אורשינא. עוף ושמו חול כלשון המקרא ואינו מת לעולם: בספנא. בהדר ספון ונהוקן לו:
נאם ה' וגו': אליעזר אמר פסוק זה נאם ה' לאדני אמר הקב"ה לאברהם אדני שב לימיני וגו': ממזרח. זה אברהם כבא מארם נהרים שהוא במזרח דכתיב מן ארם ינחני בלק מלך מואב וגו':
כל דהוה כלקא ליה. כל דבר המאורע ליה:

קראנקייט קען ניט שפייזן דעם מענטשין ריינגער וויא צוויעלף טעג. ער זאל קענען לעבין אן עסין אונ טרינקען. בזיין פאטער האט אמאהל גיטראפען דעם פויגעל וואס הייסט אורשינא אונ ער איז גישלאפען אין אווינקול אין דער תיבה. האט מיין פאטער גיזאגט צו דעם פויגעל דוא וויקסט גאר ניט עסין. האט דער פויגעל גיזאגט צו מיין פאטער איך האב גיזעהן דוא ביזט פארנומען אונ דוא האסט קיין צייט ניט האב איך גיטראכט איך וועל דיך ניט מצער זיין מיט מיין עסין. האט מיין פאטער גיזאגט צום פויגעל עס זאל זיין דער ווילען פון גאט דוא זאלסט ניט שטארבין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איוב האט גיזאגט איך האב גימיינט איך וועל פאר גיין מיט מיין נעסט אונ איך וועל לעבין אזוי לאנג וויא דער עוף חול לעבט וחול איז דער פויגעל אורשינא]:

קכד אמר. רב חנא בר ליואי האט גיזאגט שם דער עלטערער זוהן פון נח האט גיזאגט צו אליעזר דער קנעכט פון אברהם. אז אויף אייך וועלין קומען דיא מלכים פון מזרח זייט אונ פון מערב זייט וויא אזוי וועט איהר טאהן איהר זאלט זייא איין נעמען. האט אליעזר גיזאגט גאט וועט נעמען אברהם אונ וועט איהם זעצין נעבען זיין רעכטע זייט אונ מיר וועלען ווארפין ערד אויף דיא מלכים וועט פון דיא ערד ווערין שווערדין. אונ מיר וועלין אויף זייא ווארפין שטרוי וועט פון דיא שטרוי ווערין פייען. אונ די שווערדין מיט דיא פייען וועלען זיי הרגנען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק לדוד מזמור ודוד האט גילויבט צו גאט אויף דיא נסים וואס גאט האט גיטאהן צו אברהם] . אליעזר דער קנעכט פון אברהם האט גיזאגט. גאט האט גיזאגט צו מיין האר וצו אברהם] זיץ ביי מיין רעכטע האנט ביז איך וועל טאהן דיינע פיינד אונטער דיינע פיס. נאך שטייט אין פסוק ווער האט דער וועקט אברהם ער זאל קומען פון ארם נהרים וואס דאס איז אין מזרח זייט פון דער וועלט. זיין פרומקייט האט איהם גירופען ער זאל גיין מיט איהם. ער האט גינעבען פאר איהם פעלקער אונ אויף קעניגען האט ער איהם גימאכט גיוועלטיגען זיינע שווערדין האט ער גיגעבין וועגען גיפאלען אויף זיינע פיינד] אזוי וויא ערד. זיינע פיילען וועגען גיפאלען אויף זיינע פיינד אזוי וויא שטרוי. נחום איש גם זו איז גיוועןגיוואוהנט אלץ וואס איהם פלעגט טרעפין פלעגט ער זאגין דאס איז אויך צו גוטען]אזוי ווי עס שטייט אין דער מסכת תענית]:

קה פיסקא. דור. דער דור הפלגה וואס האבין גיבאהט דעם גרויסען טורעם אזוי וויא עס שטייט אין דיא סדרה נח] האבין ניט קיין עולם הבא. וואס האבין זייא גיטאהן.

דבי ר' שילא אמרו נבנה מגדל ונעלה לרקיע ונכה אותו בקרדומות כדי שיזובו מימיו מתכו עלה במערבא אם כן ליבנו אחד בטורא אלא אמר ר' ירמיה בר אלעזר נחלקו לשלשה כתות אחת אומרת נעלה ונשב שם ואחת אומרת נעלה ונעבוד ע"ז ואחת אומרת נעלה ונעשה מלחמה זו שאומרת נעלה ונשב שם הפיצם ה'. וזו שאומרת נעלה ונעשה מלחמה נעשו קופין ורוחין ושדים ולילין. וזו שאומרת נעלה ונעבוד ע"ז (בראשית יא) כי שם בלל ה' שפת כל הארץ תניא ר' נתן אומר כולם לשם ע"ז נתכוונו כתיב הכא (שם) נעשה לנו שם וכתיב התם (שמות כג) ושם אלהים אחרים לא תזכירו מה להלן ע"ז אף כאן ע"ז. א"ר יוחנן מגדל שליש נשרף שליש נבלע שליש קיים אמר רב אויר מגדל משכח. אמר רב יוסף בבל ובורסיף סימן רע לתורה מאי

א"כ ליבנו אחד בטורא. אם כן שבנו אותו כדי לעלות לרקיע למה בנו אותו בבקעה היה להם לבנות על אחד ההרים: הפיצם ה'. פיזרם בכל העולם: רוחין. בלי גוף וצורה: שדים. יש להם צורת אדם ואוכלים ושותים כבני אדם: לילין. צורת אדם אלא שיש להם כנפים במס' נדה: זו שאמרו נעבוד ע"ז כי שם בלל ה'. בלבל לשונם כדי שלא יבא א' מכוין לדעת חבירו לעבוד ע"ז: שליש נבלע. נבלעו יסודותיה משוקעת היא בקרקע עד שליש ושליש של מעלה נשרף ושליש אמצעי קיים בקרקע ולא שיהא עומד באויר: אויר מגדל. מראה המגדל כמו אוירה של עיר מי שעומד סביב למגדל ורואה אוירה ומראה גובה שלו: משכח. שכן עבר על אותו מקום שיכחה ולכך הם עצמם שכחו את לשונם: בבל ובורסיף סימן רע לתורה. שמשכחין התלמוד מפני שעומדים באויר המגדל: למה נקרא שמה בורסיף בור שאפי. בור שנתרוקן מימיו כלומר משכח האדם כל מה שלומד: שאפי. כמו השופה את היין לשון הורק מכלי אל כלי ומפני מה שמה בבל שמשכחת אמר רב יוסף כי שם בלל לפי שבלבל הקב"ה את לשונם לשם לכך היא משכחת: סימן רע. כלומר שמם סימן שכחה הוא:

דבי רבי שילא זאגין. זיי האבין געזאגט מיר וועלין באהען אגרויסען טורעם אונ מיר וועלין ארויף גיין אין הימעל אונ מיר וועלין דעם הימעל שלאגין מיט העקעס זאל ווערין אין אים לעכער חעט ארויס רינען דיא גאנצע וואסער וואס אין הימעל. וועט שוין ניט קענען זיין קיין מבול. אין ארץ ישראל האט מען געלאכט פון דיא רייד. אויב זייא האבען דאס געמיינט האבין זיי דאך געדארפט באהען דעם טורעם אויף איינעם פון דיא הויכע בערג. נישט אין אטאהל. האט רבי ירמיה בר אלעזר געזאגט דער דור הפלגה זענען צו טיילט געווארין אויף דריי טייל. איין טייל האבין געזאגט אויב עס וועט זיין אמבול וועלין מיר ארויף גיין אויף דעם טורעם אונ מיר וועלען דארט זיצען. דיא אנדערע טייל האבין געזאגט מיר וועלען ארויף גיין אויף דעם טורעם אונ מיר וועלין דארטען דינען עבודה זרה. דיא דריטע טייל האבין געזאגט מיר וועלין ארויף גיין אויף דעם טורעם אונ מיר וועלין מאכען אמלחמה מיט גאט: דיא ערשטע טייל וואס האבין געזאגט אויב עס וועט זיין אמבול וועלין מיר ארויף גיין אויף דעם טורעם אונ מיר וועלען דארטען זיצען. האט זייא גאט פאר שפרייט אויף דיא גאנצע וועלט. אונ דיא דריטע טייל וואס האבען געזאגט מיר וועלין ארויף גיין אויף דעם טורעם אונ מיר וועלין מאכען אמלחמה מיט גאט. איז פון זייא געווארין מאלפעס. אונ רוחות. אונ שדים זייא זעהן אויס וויא מענטשין זיי עסין אונ טרינקען וויא מענטשין. אונ לילין דאס איז אויך אזעלכע שדים נאר זיי האבין פליגעלן. אונ דיא אנדערע טייל וואס האבין געזאגט מיר וועלין ארויף גיין אויף דעם טורעם אונ מיר וועלין דארטין דינען עבודה זרה. האט גאט צו מישט זייער שפראך איינער זאל ניט פר שטיין דעם אנדערען וועקן זיי ניט קענן דינען עבודה זרה. מיר האבן גלערונט רבי נתן זאגט אלע האבען גימיינט צו דינען עבודה זרה. ווארום דא שטייט נעשה לנו שם (מיר וועלען אונז מאכען אנאמען). אונ דארט ביי עבודה זרה שטייט ושם אלהים אחרים לא תזכירו (דעם נאמען פון פרעמדע געטער זאלט איהר ניט דער מאנען): לערנען מיר אגזרה שוה איין ווארט שם פון דעם אנדערען ווארט שם. אז בייא דעם דור הפלגה מיינט מען אויך עבודה זרה. רבי יוחנן זאגט די אויבערשטע דריטול פון דעם טורעם איז פאר ברענט געווארין אונ דיא אונטערשטע דריטול פון דעם טורעם איז איין געזונקען אין דער ערד. אונ דיא מיטעלסטע דריטעל שטייט נאך: רב זאגט דער ווס שטייט נעבין דעם טורעם פאר געסט ער אלץ וואס ער האט גילערנט אונ וואס ער האט גיטאהן ביז איצט. רב יוסף זאגט אין בבל אונ אין בורסיף איז ניט גוט צום לערנען תורה ווייל דאס איז נאנט פון טורעם פאר געסט מען וואס מען לערנט. פאר וואס רופט מען דעם ארט בורסיף.

רעים בגופם. שטופים בזמה: כדאמר לך פן יהיה דבר עם לבבך בליעל וגו' והיה בך חטא. וחטאים בממון: ארץ ממנה יצא לחם. ארץ שבעה ומזונה כילה: ותחתיה נהפך כמו אש. ואחרי כן נהפך: וכי מאחר בארץ ממנה יצא להם.

בורסיף אמר ר' אסי בור שאפי:

קכו פיסקא אנשי סדום אין להם חלק לעה"ב. ת"ר אנשי סדום אין להם חלק לעה"ב שנאמר (בראשית יג) ואנשי סדום רעים וחטאים לה' מאד רעים בעה"ז וחטאים לעה"ב. א"ר יהודה רעים בגופם וחטאים בממונם רעים בגופם דכתיב (שם לט) ואיך אעשה הרעה הגדולה הזאת וחטאתי לאלהים. וחטאים בממונם דכתיב (דברים טו) והיה בך חטא. לה' זו ברכת השם. מאד שמתכונים וחוטאים. במתניתא תנא רעים בממונם וחטאים בגופם רעים בממונם דכתיב (שם) ורעה עינך באחיך האביון. וחטאים בגופם דכתיב (בראשית לט) וחטאתי לאלהים. לה' זו ברכת השם. מאד זו ש"ד שנאמר (מ"ב כא) וגם דם נקי שפך מנשה הרבה מאד. ת"ר אנשי סדום לא נתגאו אלא בשביל טובה שהשפיע להם הקב"ה ומה כתיב בהם (איוב כח) ארץ ממנה יצא להם ותחתיה נהפך כמו אש מקום ספיר וגו' נתיב לא ידעו עיט וגו' לא הדריכוהו בני שחץ וגו' אמרו וכי

רב אסי זאָגט בורסיף איז צווייא ווערטער בור שאפי. אַגרוב וואָס איז ליידיג געוואָרין פון דיא וואַסער. דער מענטש פאַר געסט און ווערט ליידיג פון אַלץ וואָס ער האָט געלערנט:

קכו פיסקא: אנשי. דיא מענטשין פון סדום האָבען ניט קיין חלק עולם הבא. די רבנן האָבען געלערנט דיא מענטשין פון סדום האָבען ניט קיין חלק עולם הבא וואָרום עס שטייט אין פסוק דיא מענטשין פון סדום זענען זייער שלעכט און זינדיג צו גאָט. זיא וועט זיין שלעכט אויף דער וועלט. און זיי זענען זינדיג צו עולם הבא. רב יהודה זאָגט זייא זענען געוועזען שלעכט מיט זייער גוף וזייא האָבען געטאָהן עבירות מיט זייער גוף. זייא האָבען מזנה געוועזען. און זייא זענען געוועזען זינדיג מיט זייער געלט וזייא האָבען ניט געגעבען קיין צדקה. פון וואַנען ווייסען מיר אַז שלעכט מיינט מען מיט זייער גוף וואָס זייא האָבען מזנה געוועזען. וואָרום עס שטייט אין פסוק יוסף האָט געזאָגט צו דיא ווייב פון פוטיפר וויא אַזוי קען איך טאָהן דיא גרויסע שלעכטע זאַך וועל איך דאָך זיין זינדיג צו גאָט. דיא שלעכטע זאַך מיינט מען מזנה זיין. פון וואַנען ווייסען מיר אַז זינדיג מיינט מען מיט געלט וואָס מען גיט ניט צדקה. וואָרום עס שטייט אין פסוק אַז דוא וועסט ניט געבין צדקה וועט זיין אין דיר אַזינד. צוא גאָט האָבען זייא געזינדיגט דאָס מיינט מען זייא האָבען געלעסטערט גאָט. מאד (זייער) דאָס מיינט מען אַלע שלעכטס וואָס זייא האָבען געטאָהן האָבען זייא גימיינט צוא דער צארנען גאָט. אין אַברייתא האָבען מיר געלערנט זייא זענען געוועזען שלעכט מיט זייער געלט: זייא האָבען ניט געוואָלט געבין צדקה. און זייא זענען געוועזען זינדיג מיט זייער גוף. זייא האָבען מזנה געוועזען. פון וואַנען ווייסען מיר אַז שלעכט מיינט מען מיט געלט זייא האָבען ניט געוואָלט געבין צדקה. וואָרום עס שטייט אין פסוק דיין אויג וועט זיין שלעכט אויף דיין אָרעמען ברודער דוא וועסט אים ניט וועלין העלפין מיט דיין געלט. און פון וואַנען ווייסען מיר אַז זינדיג מיינט מען מיט מזנה זיין. וואָרום עס שטייט אין פסוק יוסף האָט געזאָגט צו דיא ווייב פון פוטיפר אַז איך וועל מיט דיר מזנה זיין וועל איך זיין זינדיג צוא גאָט. צוא גאָט האָבען זייא געזינדיגט דאָס מיינט מען זייא האָבען גילעסטערט גאָט. מאד (זייער) מיינט מען זייא האָבען גיהרגת מענטשין. אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק און אויך ריינע בלוט האָט מנשה פאַר גאָסען זייער פיל: שטייט ביי בלוט פאַר גיסען דער וואָרט מאד (זייער). און ביי דיא מענטשין פון סדום שטייט אויך דער וואָרט מאד (זייער). מיינט מען די מענטשין פון סדום האָבען אויך פיל בלוט פאַר גאָסען וואָס זייא האָבען מענטשין גיהרגת. דיא רבנן האָבען גילערנט דיא מענטשין פון סדום זענען ביי זיך גרויס געוועזען ווייל גאָט האָט זייא גיגעבין פיל גוטס. וואָרום אויף זייא שטייט אין פסוק סדום איז געוועזען אַלאַנד וואָס פון איר איז אַרויס גיגאַנגען פיל ברויט. און זיא איז פאַרקערט געוואָרין און אונטער איר איז געוועזען אַזוי

וכי מאחר שארץ ממנה יצא לחם וגו' למה לנו עוברי דרכים שאין באים עלינו אלא לחסרנו מממוננו בואו ונשכח תורת רגל מארצנו שנאמר (שם) פרץ נחל מעם גר הנשכחים מני רגל וגו':

קכז דרש רבא מאי דכתיב (תהלים סב) עד אנה תהותתו על איש תרצחו כלכם כקיר נטוי גדר הדחויה מלמד שהיו נותנים עיניהם בבעלי ממון ומושיבין אותו אצל קיר נטוי ודוחין אותו עליו ובאים ונוטלים את ממונו. דרש רבא מאי דכתיב (איוב כד) התר בחשך בתים יומם התמו למו לא ידעו אור מלמד שהיו נותנים עיניהם בבעלי ממון ומפקידים אצלו אפרסמון ומניחים אותו בבית גנזיהם ולערב באים ומריחים אותו ככלב שנאמר (תהלים נט) ישובו לערב יהמו ככלב ויסובבו עיר ובאים וחותרים שם ונוטלין אותו ממון (איוב כד) ערום הלכו וגו' (שם) חמור יתומים וגו' (שם כא) והוא לקברות וגו' דרשה רבי יוסי

פירוש

שיש לנו שביע לחם למה לנו עוברי דרכים: ונשכח. שלא יעברו עוברי דרכים בארצנו: פרץ. השקב"ה נחל של גפרית ואש: מעם גר. ממקום שהיה הולך למעלה והשליכו עליהם הנשכחים מני רגל ונדלדלו מארצם וגעו לדראון. גר קורי"ר בלעז כמו מים המוגרים:

תהותתו. תבקשו תרמיות והוואות: תרצחו כלכם. ע"י קיר נטוי וגדר הדחויה: יומם חתמו למו. היום חותמין וסוגרין כאילו לא ידעו אור כלומר סותמין וחותמין: אפרסמון. שלהם להפקידו ביד בעלי ממון כדי שיהיו מניחין פקדון שלהם בבית גנזיהם ובלילה מריחין האפרסמון והופרין

וויא פייער. דיא מענטשין פון סדום האבען גזאגט אז מיר האבען אזוי אלאנד וואס פון איר גייט ארוס פיל ברויט צו וואס טויג אונז פרעמדע מענטשין זאלען גיין דורך אונזער לאנד. דיא פרעמדע מענטשין קומען נאר צו אונז וויינעגער מאכען אונזער געלט. קומט מיר וועלין מאכען אז פרעמדע מענטשין זאלען ניט גיין דורך אונזער לאנד. אז מיר זאלען גאר פאר געסען דיא פרעמדע מענטשין פון אונזער לאנד. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פרץ נחל מעם גר וגאט האט אויס גיבראכען אטייך פון שוועבעל מיט פייער פון דעם ארט וואס ער רינט דארטען. אונ האט איהם אויס גיגאסען אויף דיא מענטשין) הנשכחים מני רגל וואס זענען פר געסען גיווארין פון דיא פרעמדע פיס. וואס קיין פרעמדע פוס האט ניט גיטארט גיין דורך זיער לאנד]:

קכז דרש. רבא האט גידרשת עס שטייט אין פסוק עד אנה תהותתו על איש ובין ווי לאנג וועט איר זוכען פאלשקייט אונ בלבולים אויף מענטשין) תרצחו כלכם כקיר נטוי גדר הדחויה ואיר הרגת אלע מענטשין דורך איין גיבויגענע וואנט אונ דורך דעם פארקאן וואס איר שטויסט ארויף אויף איהם) דער פסוק דער ציילט אונז אז דיא מענטשין פון סדום פלעגין זעהן אמענטשין וואס האט געלט פלעגין זייא איהם זעצין נעבין איין גיבויגענע וואנט אונ זייא פלעגין ארויף שטויסען דיא וואנט אויף דעם מענטש אונ ער פלעגט גיהרגת ווערין. דער נאך זענען זייא גיקומען אונ האבען צו גענומען זיין געלט. רבא האט גידרשת עס שטייט אין פסוק חתר בחשך בתים יומם חתמו למו לא ידעו אור ווער גראבט אונטער אין דער פינסטער דיא הייזער. ביי טאג פר חתמנן זייא צו אים זיי ווייסען ניט פון ליכטיגקייט) דער פסוק דער ציילט אונז אז דיא מענטשין פון סדום האבען גיזעהן אמענטשין וואס האט געלט. פלעגין זייא נעמען אפלעשיל מיט שמעקעדיקע בוימאייל אונ פלעגין דיא פלעשיל בוימאייל פאר התמנן. אונ זייא האבען גיגעבען דיא פלעשיל בוימאייל צוא דעם רייכען מענטש ער זאל דאס בעהאלטען. האבען דיא רייכע מענטשין אריין גישטעלט דעם בוימאייל אין דיא שטוב וואו זייערע אוצרות ליגען. ביי נאכט פלעגין דיא מענטשין פון סדום גיין ארום דיא שטוב אונ פלעגין שמעקין אזוי וויא אהונט. אזוי ווא עס שטייט אין פסוק זיי פלעגין צוריק קערין ביי נאכט אונ פלעגין ברומען וויא דער הונט אונ האבען ארום גערינגולט דיא שטאט. אונ אז זייא האבען דער שמעקט דעם בוימאייל האבען זייא געוואוסט אז אין דיא שטוב ליגט דיא אוצרות. האבען זייא דארטען אונטער גיגראבען דיא שטוב אונ האבען צו גענומען אלע אוצרות. רבי יוסי האט גידרשת אין צפורי דיא מעשה וויא אזוי מען פלעגט

יוסי בצפורי אהתרן ההוא ליליא תלת מאה מחתרתי בציפורי אתו וקא מצערי ליה אמרו ליה יהבת להו אורחא לגנבי אמר להו מי הוה ידענא דאתו כי קא נח נפשיה דר' יוסי שפעו מרזבי דצפורי דמא . אמרי דאית ליה חד תורא נרעי חד יומא דלית ליה נרעי תרי יומא ההוא יתמי בר ארמלתא הבו ליה תורי למרעי אזל שקלינהו וקטלינהו אמר להו (ע"ב) דאית ליה תורא נישקול חד משכא דלית ליה תורא נישקול תרי משכי אמרו ליה מאי האי אמר להו סוף דינא כתחלת דינא מה תחלת דינא דאית ליה חד תורא נרעי חד יומא דלית ליה נרעי תרי יומי ה"נ דלית ליה תורא לשקיל תרי משכי . דעבר במברא ניתיב חד זוזא דלא עבר ניתיב תרי . דהוה ליה דרא דלבני אתי כל חד וחד שקיל חדא א"ל אנא חדא דשקלי . דהוה שדא תומי או שמכי אתי כל חד וחד שקיל חדא א"ל אנא חדא דשקלי

שם מנהגו של מפקיד ליזר ותופס : דדרש ר' יוסי. בי מדרשא התר נהאך בתים : איהתרן תלת מאה מחתרתי . ע"י רית הפרכמון שהיו מריחין ויודעים היכן מניחים ממונם : מי הוה ידענא דאתו . גנבי . לשון אחר מי הוה ידענא דגנבי אתן : שפעי מרזבא דצפורי דמא . דאדם גדול הוה ואיידי דאמר לעיל איהתרי מחתרתי בצפורי דאהריה דר' יוסי התם הוה נקיט נמי הא מלתא דכי נח נפשיה כו' לאשמועינן דמצפורי הוה : דאית ליה תורא . כך היה מנהגם של אנשי סדום מי שהיה לו שור אחד רועה כל בהמות העיר יום אחד מי שאין לו שור מגלגלין עליו לרעות שני ימים : אמר להו . יתמא למרא דתורא דאית ליה חד תורא וכו' : דעבר במברא . שמעבירים אלהם מימיו עזין והיו דנין כך : דלא עבר במברא . אלא בא לו דרך אחר : דהוה ליה דרא דלבני . מי שהיה לו שורה לבנים ומגבל ועושה אותן היה בא כל חד וחד ונוטל אחת : שדי תומי או שמכי . מי שהיה מפזר ושוטח לפניו שומים או בצלים ליבשן כל אחד ואחד היה נוטל אחת : אומר לו . לנגזל מה הסרתי לך לא לקחתי ממך אלא שום אחד ונגזל קרח מכאן ומכאן :

אִין סְדוֹם אוּנְטֶער גְרָאבִּין הַיְזֶער . הָאבֶּען דִיא גַנָבִים פוּן צִפּוֹרִי בַּאקְד אִין דֶעם זעלְבִּיגֶען טָאג אוֹיךְ אַזוֹי גִיטָאהן . אוּנ דִיא נַאכְט נָאךְ דֶעם טָאג הָאבְּען זַיְא אוּנְטֶער גִינְרָאבֶּן דְרַייא הוּנְדֶערְט הַיְזֶער . זֶענֶען גִיקוּמֶען דִיא בַּעֲלֵי בַּתִּים פוּן צִפּוֹרִי אוּנ הָאבֶּען מְצַעֵר גִיוֶוען דֶעם רַבִּי יוֹסִי . אוּנ זַייא הָאבֶּען גִזָאגְט צוּ אִיהם דוּא הָאסְט אוֹיס גִילֶערוּנְט דִיא גַנָבִים וִויא אַזוֹי זַייא זָאלֶען גַנְבֶענֶען . הָט רַבִּי יוֹסִי צוּ זַייא גִזָאגְט הָאבּ אִיךְ דֶען גֶעוואוּסְט אַז אִין צִפּוֹרִי זֶענֶען דָא גַנָבִים . אַזוֹי לַאנְג וִויא רַבִּי יוֹסִי הָאט גִילֶעבְּט אִיז אִין צִפּוֹרִי נָאר גִיוֶוען גַנָבִים . אָבֶּער נִיט קֵיין רוֹצְחִים . וִויא רַבִּי יוֹסִי אִיז גִישְׁטָארְבֶּן אִיז גִיוָוארֶן אַזוֹי פִיל רוֹצְחִים אוּנ מֶען הָאט אַזוֹי פִיל מֶענְטְשִׁין גִיהַרְגֶת אַז עֶס הָאט גִיגָאסֶען בְּלוּט אִין אַלֶע רִינֶעס פוּן צִפּוֹרִי . דִיא מֶענְטְשִׁין פוּן סְדוֹם הָאבֶּען גִימַאכְט אַזוֹי אַמִשְׁפָּט דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אֵיין אָקְס זָאל עֶר פִּיטֶערְין אַלֶע בְּהֵמוֹת פוּן שְׁטָאט אֵיין טָאג . דֶער וָואס הָאט נִיט קֵיין בְּהֵמָה . זָאל עֶר פִּיטֶערִין אַלֶע בְּהֵמוֹת פוּן שְׁטָאט צְווַיי טָאג . עֶס אִיז גִיוֶוען אַיָתוֹם אַזוּהן פוּן אַאַלְמָנָה הָאט מֶען אִיהם גִיגֶעבֶּן אָקְסִין עֶר זָאל זַייא פִּיטֶערִין . הָאט דֶער יָתוֹם גִיהַרְגֶת אַלֶע אָקְסִין . הָאט דֶער יָתוֹם גִזָאגְט צוּ דִיא מֶענְטְשִׁין פוּן דִיא אָקְסִין דֶער וָואס הָאט גִיהַאט אַאָקְס זָאל עֶר נֶעמֶען אֵיין פֶעל . אוּנ דֶער וָואס הָאט נִיט גִיהַאט קֵיין אָקְס זָאל עֶר נֶעמֶען צְווַיי פֶעל . הָאבֶּען דִיא מֶענְטְשִׁין גִזָאגְט צוּם יָתוֹם פַאר וָואס זָאל דָאס אַזוֹי זַיין . הָאט דֶער יָתוֹם צוּ זַייא גִזָאגְט דֶער סוֹף פוּן דֶעם מִשְׁפָּט אִיז אַזוֹי וִויא דֶער אָנְהֵייבּ פוּן דֶעם מִשְׁפָּט . אַזוֹי וִויא דֶער אָנְהֵייבּ מִשְׁפָּט אִיז גִיוֶוען דֶער וָואס הָאט אֵיין אָקְס זָאל עֶר פִּיטֶערִין אַלֶע אָקְסִין אֵיין טָאג אוּנ דֶער וָואס הָאט גָאר נִיט קֵיין אָקְסִין זָאל פִּיטֶערִין אַלֶע אָקְסִין צְווַיי טֶעג . אִיצְט הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ אַזוֹי גִיפַּסְקֶנְט דֶער וָואס הָאט נִיט גִיהַאט קֵיין אָקְס זָאל עֶר נֶעמֶען צְווַיי פֶעל . נָאךְ אַכְשְׁפֶּיט הָאבֶּען דִיא מֶענְטְשִׁין פוּן סְדוֹם גִימַאכְט דֶער וָואס וֶועט זִיךְ שִׁיפֶען אִיבֶּער דֶעם וַואסֶער : זָאל עֶר בַּצָאהְלֶען דֶעם שִׁיפֶער אֵיין גִילְדִין . אוּנ דֶער וָואס וֶועט זִיךְ נִיט שִׁיפֶען נָאר עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען דוּרְךְ אֵיין אַנְדֶער וֶועג . זָאל עֶר גֶעבִּין דֶעם שִׁיפֶער צְווַיי גִילְדִין . וֶוער עֶס הָאט גִיהַאט אוֹיס גִילֵייגְטֶע צִיגוּל . אִיז גִיקוּמֶען יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אוּנ הָאט גֶענוּמֶען אַצִיגוּל . אוּנ עֶר הָאט גִזָאגְט צוּם בַּעַל הַבַּיִת פוּן דִיא צִיגוּל אִיךְ נֶעם דָאךְ נָאר אֵיין צִיגוּל . וֶוער עֶס הָאט אוֹיס גִשְׁפְּרֵייט קְנָאבִּיל אָדֶער צִיבֶּעלֶע צוּם טְרִיקֶענְעֶן . אִיז גִיקוּמֶען יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אוּנ הָט גִנוּמֶען נָאר אֵיין צִיבֶּעלֶע אָדֶער נָאר אֵיין קְנָאבִּיל . אוּנ עֶר הָט גִזָאגְט צוּם בַּעַל הַבַּיִת אִיךְ נֶעם דָאךְ נָאר אֵיינְס :

קכח ארבעה דייני הוו בסדום שקראי ושקרוראי וזייפי ומצ"י דינא. דמחי ליה לאתתא דחבריה ומפלת לה אמרו ליה יהבה ניהליה דניעברה ניהלך. דפסיק ליה לאודנא דחמרא דחבריה אמרו ליה הבי ניהליה עד דקדחה. דפדע ליה לחבריה אמרו ליה הב ליה אגרא דשקל לך דמא. דעבר במברא יהיב ארבע זוזי דעבר במיא יהיב תמני זוזי זמנא חדא אתא ההוא כובס איקלע להתם אמרו ליה הב ארבעה זוזי אמר להו אנא במיא עברי א"ל אם כן הב תמניא זוזי לא יהב פדעוהו אתא לקמיה דדיינא א"ל הב אגרא דשקל לך דמא ותמני זוזי דעברת במיא. אליעזר עבד אברהם איתרמי להתם פדעוהו אתא לקמיה דדיינא א"ל הב ליה אגרא דשקל לך דמא שקל גללא פדעיה איהו לדיינא אמר מאי האי א"ל אגרא דנפק לי מינך הב ניהליה להאי וזוזי דידי כדקיימי קיימי. הכי אתנו ביניהו כל מאן דמזמין גברא לבי הלולא ילשלח לגלימיה הוה ההיא הלולא איקלע אליעזר להתם ולא יהבו ליה נהמא כי בעי

זייפי ומצלי דינא וכו': יהבה ניהליה. וישכב עמה עד שתהיה מעוברת: עד דקדחה. עד שתצמח אזנו: דפ"ע. עשה לו פצע כמו פדעתא במסכת ע"ז: דעבר במיא. עובר ברגליו במים: אמר ליה. דיינא לאליעזר מאי האי: א"ל. אליעזר אגרא דמחייבת לי דשקלי לך דמא הב ליה להאי גברא· דשקל לי דמא וזוזי דידי כדקיימי קיימי. נ"א ולואי כדקאי קאי כך אמר ליה הדין מי יתן שיהיה כמתחלה: הכי אתנו בהדייהו כל מאן דמזמין (כל גברא). אכסנאי לבי הלולא: לשלח לגלימיה. לפשט את בגדי אותו האיש שהזמינו: (דיתיב גביה בסעודה) אזל אליעזר

קכח ארבעה. פיר דיינים זענען געווען אין סדום. שקראי· שקרוראי: זייפי. מצלי דינא. אז איינער האט גישלאגען זיין חברס ווייב וואס איז געווען מעוברת אונ זיא הט מפיל גיוועזן דיא קינדער האבען דיא דיינים גיפסקנט דער מאן זאל געבין דאס ווייב זיינע צוא דעם שלעגער ער זאל איר מעוברת מאכען. אז איינער האט אפ גיהאקט דעם אויער פון זיין חברס אייזיל. האבען דיא דיינים גזאגט צו בעל הבית פון אייזיל גיב דעם אייזיל צו דעם מענטש וואס האט איהם אפ גיהאקט זיין אויער דער אייזיל זאל זיין בייא איהם אזוי לאנג ביז ער וועט צוריק אפ וואקסען. אז איינער האט גישלאגען זיין חבר ביז ער האט איהם גימאכט בלוט. האבען דיא דיינים גזאגט צו דעם וואס איז גישלאגען גיווארען ער זאל געבין צום שלעגער געלט פאר ווס ער האט פון איהם אפ גיצאפט זיין בלוט. דיא דיינים האבען גיפסקנט דער וואס מען שיפט איהם אריבער איבער דעם וואסער זאל ער געבין פיר גילדין. אונ דער וואס גייט מיט דיא פיס אין וואסער זאל ער געבין אכט גילדין. אמאהל איז געקומען א וועשער אין סדום. האט מען גזאגט צו איהם גיב פיר גילדין. האט דער וועשער גזאגט איך בין ניט גיפארן אין דיא שיף נאר איך בין גיגאנגען מיט דיא פיס אין וואסער פאר וואס זאל איך בצאהלען. האבען דיא מענטשין גזאגט אויב דוא ביסט גיגאנגען מיט דיא פיס אין וואסער דארפסטו געבין אכט גילדין. הט דער וועשער ניט גיוואלט געבין האבען זייא איהם גישלאגען ביז פון איהם האט גערונען בלוט. איז דער וועשער גיקומען צו דיא דיינים האבען דיא דיינים גזאגט צום וועשער בצאהל פאר וואס מען האט פון דיר אפ גיצאפט בלוט. אונ אכט גילדין זאלסטו געבין ווייל דוא ביסט גיגאנגען מיט דיא פיס אין וואסער. אליעזר דער קנעכט פון אברהם איז אמאהל גיקומען אין סדום. האבען דיא מענטשין פון סדום איהם גישלאגען ביז פון איהם האט גערונען בלוט. איז אליעזר גיקומען צו דיא דיינים. האבען דיא דיינים גזאגט צו אליעזר גיב דעם שלעגער זיין געלט ווייל ער האט פון דיר אפ גיצאפט בלוט. האט אליעזר גינומען א שטיין אונ הט אוואַרף גיטאהן דעם דיין אונ עס האט פון איהם גירונען בלוט. האט דער דיין גזאגט צו אליעזר פר וואס האסטו מיך גישלאגען. האט אליעזר גזאגט צום דיין דאס געלט וואס איך דארף נעמען ביי דיר ווייל איך האב פון דיר אפ גיצאפט בלוט. זאלסטו געבין צו דעם מענטש וואס האט מיך גישלאגען אונ האט פון מיר אפ גיצאפט בלוט. אונ מיין געלט בלייבט ביי מיר אזוי וויא עס איז גיוועזן. אזוי האבען דיא מענטשין פון סדום גימאכט צווישען זיך. דער מענטש וואס וועט פאר בעטין צו זיך א פרעמדין מענטש אויף א חתונה. זאל מען אפ ציהען דיא קליידער פון דעם בעל הבית וואס

עבד אברהם ויתיב אסיפא דכולהו. הלך וישב בסוף כולם: אמרו ליה מאן הזמינך. לכאן: אמר ליה. אליעזר למאן דיתיב גביה את זמנתני לכאן: שקל גלימיה. דיתיב לגביה: ורהט לברא. שהיה מתירא שלא ישמעו אנשי המקום שאליעזר אמר שהוא זמנו ושלחו למארח הלך וישב לו אצל שני ואמר כמו כן וכן לכל אחד ואחד עד דאזלי כלהו ואכל אליעזר כל הסעודה: כי אריך גייצי ליה. כשהאורח ארוך יותר מן המטה מקצרין אותו בסכין: גייצי. לשון גוץ כ"ש ואית דגרסי גיידי ליה: מתחין ליה. עד דמתפרקי איבריו: וכתיב שמיה עלויה. כדי שיכיר כל אחד ואחד דינר שלו ויחזור ויטלנו: ורפתא לא ממטי ליה. שהעני ביניהם שלא יתנו לו פת כדי שימות ברעב וכשמת אזיל כל חד וחד ושקיל דינרא דידיה: רביתא. נערה: בהצבא. בתוך כד שלה כשיוצאה לשאוב מים: שפיוה. סכו אותה: איגר שורא. על גג

בעי למיסעד אזל אליעזר עבד אברהם ויתיב לסיפא דכולהו אמרו ליה מאן אזמינך להכא אמר להההוא דיתיב את אזמנתן להכא אמר דלמא שמעי בי דאנא אזמינתיה ומשלחי ליה מאניה דההוא גברא שקל גלימיה ורהט לברא וכן עבד לכלהו עד דנפקי כלהו ואכלה איהו לסעודתא. הויא להו אפורייתא דהוו מגני עלה אורחי כי הוה אריך גייצי ליה גוץ מתחי ליה אליעזר עבד אברהם איקלע להתם אמרו ליה קום גני אפוריא אמר להון נדרא נדרי מן יומא דמיתת אמא לא גנינא אפוריא. כי הוה מתרמי להו עניא יהבו ליה כל חד וחד דינרא וכתיב שמיה עליה ורפתא לא הוו מכמו ליה כי הוה כית אתי כל חד וחד ושקל דידיה. הויא ההיא רביתא דהות קא מפקא רפתא לעניא בהצבא איגלאי מלתא שפיוה דובשא ואוקמוה על איגר שורא אתו זיבורי ואכלוה והיינו דכתיב (בראשית יח) ויאמר ה' זעקת סדום ועמורה כי רבה ואמר רב

האט גיבעטין דעם פרעמדין מענטש. איז געוועזן אין סדום אתתונה. איז אליעזר דער קנעכט פון אברהם אויך גיקומען אויף דיא תתונה. האט מען איהם ניט גיגעבין ברויט צוא עסין; אז אליעזר האט געוואלט עסין. איז ער גיגאנגען אונ האט זיך גיזעצט נאך אלע מענטשין. האבען די מענטשין גזאגט צו אליעזר ווער האט דיך גיבעטין דוא זאלסט קומען אויף דיא תתונה. האט אליעזר גזאגט צו דעם מענטשין וואס איז גיזעסין נעבין איהם. דוא האסט מיך גיבעטין איך זאל אהער קומען. הט דער מענטש בייא זיך גיטראכט טאמער וועט מען הערין אז אליעזר זאגט אויף מיר איך האב איהם אהער גיבעטין; וועט מען צוא נעמען בייא מיר מיינע קליידער. האט דער מענטש גינומען זיינע קליידער אונ איז ארויס גילאפען פון שטוב. דער נאך איז אליעזר גיגאנגען אונ האט זיך גיזעצט נעבין דעם אנדערין. אונ ער האט צום אנדערין אויך גזאגט דוא האסט מיך אהער גיבעטין. הט דער אנדערער אויך מורא גיהאט מען זאל ניט צו נעמען זיינע קליידער. איז ער אויך אנטלאפין: אונ אזוי האט אליעזר גיטאהן צוא אלע מענטשין וואס זענען גיוועזן אויף דיא תתונה. ביז אלע זענען אנטלאפין. האט אליעזר גיגעסין דיא סעודה. דיא מענטשין פון סדום האבען גיהאט אבעט ווס אויף איר האבען זיי גילייגט שלאפען אלע פרעמדע מענטשין וואס זענען גיקומען אין סדום. אז דער מענטש איז גיוועזן לייננער וויא דיא בעט. האבען זייא איהם אפ גיהאקט דיא פים. אז ער איז גיוועזן קירצער האבען זייא איהם אזוי לאנג גיצויגען ביז דיא גלידער זיינע זענען אפ געריסען גיווארין פון דיא ארטער. אליעזר דער קנעכט פון אברהם איז אמאהל גיקומען אין סדום. האבען זייא גזאגט צו איהם גיי לייג דיך שלאפען אויף דעם בעט. האט אליעזר גזאגט ווען מיין מוטער איז גישטארבען האב איך גיטאהן אנדר איך זאל ניט שלאפען אויף אבעט. אז אארעם מאן פלעגט קומען אין סדום. האט יעדער מענטש איהם גיגעבן אגילדין. אונ יעדער האט אויף געשריבען זיין נאמען אויף דעם גילדין. אונ ברויט פלעגט מען איהם ניט געבין. אונ פאר קויפען אויך ניט. אז דער ארעם מאן איז גישטארבן פאר הונגער פלעגט קומען יעדער פון זייא אונ הט אפ גינומען זיין גילדין. אונ דארט אין סדום איז גיוועזן אמיידיל ווען זיא פלעגט גיין שעפין וואסער האט זיא אריין גילייגט אין קרוג ברויט אונ פלעגט געבין דיא ברויט צו ארעמע לייט. וויא די זאך איז דער וואוסט גיווארין צו דיא מענטשין פון סדום. האבע זייא בשמירט דאס מיידיל מיט האניק אונ זייא האבען איר גישטעלט אויף אדאך פון אמאהער. זענען גיקומען דיא בינען אונ האבען איר אויף גיגעסין

רב יהודה אמר רב על עסקי ריבה :

(דף קח) **קכט משנה** מרגלים אין להם חלק לעה"ב שנאמר (במדבר יד) וימותו האנשים מוציאי דבת הארץ רעה במגפה וימותו בעה"ז במגפה לעה"ב. דור המדבר אין להם חלק לעה"ב כו' שנאמר (שם) במדבר הזה יתמו גו' דברי ר"ע ר' אליעזר אומר עליהם הוא אומר (תהלים נ) אספו לי חסידי וגו'. עדת קרח אין עתידין לעלות שנאמר (במדבר טז) ותכס עליהם הארץ בעה"ז ויאבדו מתוך הקהל לעה"ב דברי ר' עקיבא ר' אליעזר אומר עליהם אמר הכתוב (ש"א ב) ה' ממית ומחיה מוריד שאול ויעל :

סהומה : כי רבה. על עסקי ריבה : רבי יהודה בן בתירא אומר. מאי ויאבדו הרי הן כאבדה המתבקשת והאיש לעוה"ב שכן אמר דוד על בני קרח תעיתי כשה אובד בקש עבדך הם תעו כשה אובד ואתה בקשם הרבים. בקש עבדך והביאם לעוה"ב : מצותיך לא שכחתי :

(דף קט ע"ב) **קל גמ'** תנו רבנן עדת קרח אין להם חלק לעה"ב שנאמר (במדבר טז) ותכס עליהם הארץ בעה"ז ויאבדו מתוך הקהל לעולם הבא דברי ר' עקיבא ר' יהודה בן בתירא אומר הרי הן כאבדה המתבקשת שנאמר (תהלים קיט) תעיתי כשה אובד בקש עבדך כי מצותיך לא שכחתי. ויקח קרח

דאס איז וואס עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט דאס געשריי פון סדום אונ עמורה כי רבה. האט רב יהודה גזאגט פון רבס וועגין רבה איז גליך וויא עס וואלט געשטאנען ריבה ; אמיידיל. דער פסוק זאגט דאס געשריי פון סדום אונ עמורה איז זייער גרויס פון וועגין דעם מיידיל וואס זייא האבען איר געטאהן אזעלכע יסורים ביז זיא איז געשטארבען :

קכט משנה. מרגלים. די מרגלים וואס שטייט אין די סדרה שלח האבען ניט קיין חלק עולם הבא ; ווארום עס שטייט אין פסוק דיא מענטשין וואס האבען אויס גיצויגען שלעכטע רייד אויף ארץ ישראל זענען געשטארבען דורך א מגפה פאר גאט. זייא זעיען געשטארבען אויף דיא וועלט. אונ עס וועט אויף זיי זיין אמארד אז זייא וועלין ניט האבען קיין חלק עולם הבא. דער דור וואס איז געשטארבען אין דער מדבר האבען ניט קיין חלק עולם הבא. אונ וועלין ניט שטיין צום משפט. ווארום עס שטייט אין פסוק אין דער מדבר וועלין זייא אויס גיראזן ווערין. זייא וועלין שטארבען אין דער מדבר. אונ דארט צו עולם הבא וועלין זייא אויך שטארבען ; אזוי זאגט רבי עקיבא. רבי אליעזר זאגט אויף זייא זאגט דער פסוק. גאט זאגט פערזאמעלט צוא מיר מיינע חסידים. דיא וואס האבען זיך פאר בונדין מיט מיר דורך קרבנות. דאס מיינט מען דיא יודין וואס זענען גיוועזן אין דער מדבר. (אזוי וויא עס שטייט אין דיא תורה מען האט גישאכטען קרבנות אונ העלפט בלוט האט מען גישפריצט אויף דעם מזבח. אונ דיא אנדערע העלפט בלוט האט מען גישפריינגט אויף דעם פאלק). דיא מענטשין וואס זענען איינגיזונקען גיווארן אין דיא ערד מיט קרח. וועלין ניט ארויף גיין פון דיא ערד צוא תחית המתים. ווארום עס שטייט אין פסוק דיא ערד האט אויף זיי צו גידעקט (אויף דיא וועלט). זייא זענען פאר לארען גיווארן פון דיא פארזאמלונג (פון דיא יודין) דאס מיינט מען זייא זענען פארלארען פון עולם הבא. אזוי זאגט רבי עקיבא. רבי אליעזר זאגט אויף זיי זאגט דער פסוק גאט הרגת דעם מענטש אונ מאכט אים לעבעדיג. ער נידערט אים אין גרוב אונ ברייננט אים אויף :

קל גמרא. תנו רבנן ; דיא רבנן האבען גילערונט דיא מענטשין וואס זענען איינגיזונקען גיווארן אין דיא ערד מיט קרח האבען ניט קיין חלק עולם הבא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא ערד האט אויף זייא צו גידעקט (אויף דיא וועלט) זייא זענען פאר לארען גיווארן פון די פאר זאמלונג (פון די יודין). דס מיינט מען זייא זענען פאר לארן פון עולם הבא. אזוי זאגט רבי עקיבא. רבי יהודה בן בתירא זאגט זייא זענען אזוי ווי א פארלארענע זאך וואס מען זוכט איר ביז מען געפינט איר. אזוי וועלין זייא אויך גיפונען ווערין צו עולם הבא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט גיבעטין פון זייערט וועגין זייא זאלן האבען עולם הבא. איך בין פאר בלאנדזעט גיווארין אזוי וויא א פאר לארענע שעפס ; דוא זאלסט זוכען דיין קנעכט.

שקיימו כל מצותיך כדכתיב כי כל העדה כלם קדושים : מקח רע . התחיל בקטטה : שעשה קרחה בישראל . שנבלעו : שהרהיה . שהכעים : הקהה שיני מולידיו . שנתביישו אבותיו במעשיו כרעים : בקש רחמים על עצמו . שלא יהא נמנה עמהם : אלו מרגלים . דלא כתיב בן פלוני בן יעקב : שאיבר לבבו . היזק לבבו כמו אביר לב : שישב באנינות . שעשה תשובה על שהיה עמהם התחלה בעצה : נעשו לו פלאות . שניצל מהם : ראה והבין . שאין נוהגים כשורה ופירש מהם : אי מר רבה . אם ינצח משה מ"מ אתה תלמיד ואם

קרח אמר ריש לקיש שלקח מקח רע לעצמו . קרח שעשה קרחה בישראל . בן יצהר בן שהרתיח עליו את כל העולם כצהרים . בן קהת בן שקהו שיני מולידיו . בן לוי בן שנעשה לויה בגיהנם וליחשב נמי בן יעקב בן שעקב עצמו לגיהנם אמר רב שמואל בר יצחק יעקב בקש רחמים על עצמו שנאמר (בראשית מט) בסודם אל תבא נפשי אלו מרגלים ובקהלם אל תחד כבודי זה עדת קרח . דתן ואבירם דתן שעבר על דת אל אבירם שאיבר לבבו מעשות תשובה . ואון שישב באנינות . פלת שנעשו לו פלאות . בן ראובן בן שראה והבין . אמר רב און אשתו הצילתו אמרה ליה מאי נפקא לך מיניה אי מר רבה אנת תלמידא ואי מר רבה אנת תלמידא אמר לה מה אעביד הואי בעצה ואשתבעי לי בהדייהו אמרה ליה ידענא

וואָרום דיינע מִצְוֹת האָב איך ניט פאַר געזעהן דָוִד הַמֶלֶךְ האָט געזאָגט קֹרַח מיט זיינע מענטשין זענען פאַר בלאָנדזשעט געוואָרן וויא אַפאַר לאָרענע שעפּס . דוא זאָלסט זייא זוכען אונ זייא געבּן עוֹלָם הַבָּא . וואָרום זייא האָבען פיל מִצְוֹת מְקַיֵים געוועזן . עס שטייט אין פָּסוּק וַיִקַח קֹרַח . וואָס האָט קֹרַח גינומען . רֵיש לָקִיש זאָגט ער האָט גינומען פאַר זיך אַשלעכטע געמונג . פאַר וואָס האָט מען איהם גירופען קֹרַח . ווייל ער האָט אויס געפּליקט פיל מענטשין פון יודין . פאַר וואָס האָט מען איהם גירופען בֶּן יִצְהָר . ער איז געוועזן אַזוהן וואָס ער האָט דער צערינט אונ דער היצט דיא גאַנצע וועלט אַזוי וויא דיא היץ פון דיא זוהן אין מיטען טאָג . פאַר וואָס האָט מען איהם גירופען בֶּן קְהָת . ער איז געוועזן אַזוהן וואָס ער האָט אַיילינג געמאַכט דיא ציין פון זיין עלטערין וואָס האָבען איהם געבאָרען זיינע עלטערין האָבען זיך געשעמט פון זיינע עבירות . פאַר וואָס האָט מען איהם גירופען בֶּן לֵוִי . ער איז געוועזן אַזוהן וואָס ער איז געוואָרען אַבּהעפטונג אין גֵיהִנָם . פרעגט דיא גְמָרָא זאָל מען זאָגען בֶּן יַעֲקֹב . ער איז געוועזן אַזוהן וואָס ער האָט זיך אַריין גינאַרט אין גֵיהִנָם . האָט רַב שְׁמוּאֵל בַּר יִצְחָק געזאָגט יַעֲקֹב האָט גיבעטין אויף זיך אַז זיין נאָמען זאָל דאָ ביי קֹרַח ניט דער מאָנט ווערין . אַזוי וויא עס שטייט אין פָּסוּק בְּסוֹדָם אַל תָּבוֹא נַפְשִׁי . אין זייערע געהיימנים (סודות) זאָל מיין נֶפֶשׁ ניט קומען . דאָס מיינט מען דיא מְרַגְלִים . מיין נאָמען זאָל נישט דער מאָנט ווערין ביי דיא סודות פון דיא מְרַגְלִים . מען זאָל ניט זאָגען אַז זייא זענען מיינע קינדער . וּבִקְהָלָם אַל תֵּחַד כְּבוֹדִי . אונ אין זייער פאַר זאַמלונג זאָל ניט דער מאָנט ווערין מיין כָּבוֹד . דאָס מיינט מען ווען דיא מענטשין האָבען זיך פאַר זאַמעלט מיט קֹרַח צו קריגען אויף משֶׁה מיט אַהֲרֹן זאָל מען ניט דער מאָנען אַז זייא זענען מיינע קינדער . פאַר וואָס האָט מען גירופען דָתָן אונ אֲבִירָם . דָתָן האָט מען איהם גירופען ווייל ער האָט ניט גיטאָהן וויא דער דַת פון גאָט (וויא דיא תּוֹרָה) הייסט . אֲבִירָם האָט מען איהם גירופען . ווייל ער האָט גישטאַרקט זיין האַרץ ער זאָל ניט טאָהן קיין תְּשׁוּבָה . און האָט מען איהם גירופען ווייל ער איז געזעסן אין טרויערקייט . ער האָט גיטאָהן תְּשׁוּבָה אונ ער האָט גיטרויערט פאַר וואָס ער איז געוועזן מיט קֹרַח אין איין עֵצָה . פֶּלֶת האָט מען אים גירופען ווייל צו איהם איז גיטאָהן געוואָרען וואונדער . בֶּן רְאוּבֵן האָט מען איהם גירופען . ווייל ער איז געוועזן אַזוהן שֶׁרָאָה וְהֵבִין . וואָס ער האָט גיזעהן אונ פאַר שטאַנען אַז קֹרַח מיט זיינע מענטשין טוהען ניט גוט האָט ער זיך אָפּ גישיידט פון זייא . רַב האָט געזאָגט דיא ווייב פון און האָט גירעטעט איר מאַן און ער זאָל נישט געשטראָפט ווערין צוזאַמען מיט קֹרַח . זיא האָט געזאָגט צו איהם וואָס וועט דיר אַרויס קומען פון די קריג . וועט משֶׁה בלייבען אַרבּי . ביסטו אַתַּלְמִיד פון משֶׁה . וועט קֹרַח זיין אַרבּי וועסטו זיין אַתַּלְמִיד פון קֹרַח . אָבּער אַלץ מער וויא אַתַּלְמִיד וועסטו ניט זיין . האָט און געזאָגט צוא זיין ווייב וואָס זאָל

ידענא דכולה כנישתא קדישתא נינהו דכתיב (במדבר טז) כי כל העדה כלם קדושים אמרה ליה תוב דאנא מצילנא לך אשקיתיה חמרא וארויתיה ואגניתיה גואי אותיבה על בבא (דף קי) וסתרתא למזיה כל דאתא חזייה הדר אדהכי והכי אבלעו להו :

קרא אתתיה דקרח אמרה ליה חזי מאי קעביד משה איהו הוה מלכא לאחוה שויא כהנא רבא לבני אחוהי שוינהו סגני דכהנא אי אתיא תרומה אמר תהוי לכהן אי אתו מעשר דשקליתו אתון אמר הבו חד מעשרה לכהן ועוד דגייז ליה למזייכו ומיטלל לכו כי כופתא עינא יהב במזייכו אמר לה הא איהו נמי קא עביד אמרה ליה כיון דכולהו רבותא דידיה אמר איהו נמי (שופטים טז) תמות נפשי עם פלשתים ועוד דקאמר לכו עבדיתו תכלתא אי ס"ד תכלתא מצוה אפיק גלימיה דתכלתא כסינהו לכולהו מתיבתך היינו דכתיב (משלי יד) חכמות נשים בנתה

קרח יגלה אתה תלמיד מה נך בשררה זו : הואי בעלה . אני הייתי עמהם בעלה ונשבעתי להם שאם יקראוני אלך עמהם : דכולה כנישתא קדישין . כלם צנועים וקדושים ולא יכנסו אלי אם אני פרועה : סתרה למזיה . שערה וישבה על פתח הבית כל מי שהיה בא לקרותו רואה ראשה פרועה וחוזר :

מעשר ראשון דשקליתון אתון אמר הבו חד מעשרה לכהן : גייז למזייכו . דכתיב והעבירו תער על כל בשרם ומצחק בכם כאילו אתם שוטים : כי כופתא . רעי כמו בטולא דכופתא דאמרן לעיל כגלל הזה אתם חשובים בעיניו : עינא יהב . עין נתן בשעריכם כדי שלא יהא בכם מרה כמותו : אמר לה . קרח איהו נמי משה עצמו גילח כל שערו : כיון דכולא רבותא דידיה הוא . היינו הוסם את גילח עצמו דקאמר לנפשיה תמות נפשי עם פלשתים אגזוז שערי כמותם ומה לי בכך שהם מקיימים אפי' מה שאני מצוה לשחק אגזוז עכשיו כמותם כדי להפיס דעתם : ועוד דקאמר לכו . עשו פתיל תכלת בד' כנפות הבגד ואי כ"ד תכלת תכלת מפני מה לא יאמר לעשות כל הבגד כולו תכלת : אפיק גלימא דתכלתא . קח לך בגדים של תכלת וכסינהו לכולהו מתיבתך יכפה כאן בבית המדרש את והבורחך :

איך טָאהן . וְיא אַזוי גֵייט מֶען אַוֶועק פוּן קֹרַחס פַר זַאמְלוּנְג . אִיךְ בִּין דָאךְ גִיוֶועזֶען מִיט זַייא צוּא זַאמֶען אִין דִיא עֵצָה אוּנ אִיךְ הָאבּ דָאךְ גִישְׁוְואוֹרִין אַז אִיךְ זָאל גֵיין מִיט זַייא . הָאט דָאס וַוייבּ גְזָאגְט אִיךְ וֵויים אַז דִי גַאנְצֶע פַאר זַאמְלוּנְג פוּן קֹרַח זֶענֶען הֵיילִיגֶע מֶענְטְשִׁין . אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִיא גַאנְצֶע גֶעמֵיינְדֶע זֶענֶען אַלֶע הֵיילִיג . זִיץ דוּ אִין שְׁטוּבּ אִיךְ וֶועל דִיךְ שׁוֹין רֶעטִין פוּן זַייא . הָאט זִיא אִים גִיגֶעבִּין טְרִינְקֶען וַויין אוּנ הָאט אִיהם אָן גֶעשִׁיכּוּרְט אוּנ הָאט אִיהם גִילֵייגְט שְׁלָאפֶן אִין שְׁטוּבּ אוּנ זִי הָאט זִיךְ גִיזֶעצְט נֶעבִּין דִי טִיר אוּנ זִיא הָאט אוֹיף גִיפְלָאכְטֶען אִירֶע הָאר . וֶועלְכֶער מֶענְטְשׁ פוּן קֹרַח עֶס אִיז גְקוּמֶען צוּ דִי טִיר אוּנ הָט אִיר גִיזֶעהְן זִיצֶען מִיט דִיא בְּלוֹיזֶע אוֹיף גִיפְלָאכְטֶענֶע הָאר הָט עֶר נִיט גִיוָואלְט קוּקֶען אוֹיף אִיר אִיז עֶר אַוֶועק גִיגַאנְגֶען דֶער וַוייל זֶענֶען דִיא מֶענְטְשִׁין אַיין גִיזוּנְקֶען גִיוָוארִין :

קרא אִתְּתֵיהּ : דָאס וַוייבּ פוּן קֹרַח הָאט גְזָאגְט צוּ קֹרַח זֶעה וָואס משֶׁה טוּהט . עֶר אִיז אַמֶלֶךְ . זַיין בְּרוּדֶער הָאט עֶר גִימַאכְט פַאר אַכֹּהֵן גָדוֹל . זַיין בְּרוּדֶערְ'ס זִיהן הָאט עֶר גִימַאכְט פַאר כֹּהֲנִים . אַז מֶען בְּרֵיינְגְט תְּרוּמָה . הָט משֶׁה גְזָאגְט מֶען זָאל דָאס גֶעבִּין צוּם כֹּהֵן . אַז מֶען בְּרֵיינְגְט מַעֲשֵׂר וָואס אִיר דַארְפְט דָאס גֶעמֶען . הָאט משֶׁה גְזָאגְט אֵיינְס פוּן צֶעהְן פוּן אַייעֶרֶע מַעֲשֵׂר זָאלְט אִיר גֶעבִּין דֶעם כֹּהֵן . נָאךְ הָאט משֶׁה גִיטְאהן עֶר הָאט גִיהֵייסֶען אִיר זָאלְט אָפּ גָאלִין אַלֶע הָאר פוּן אַייעֶר גַאנְצִין לַייבּ . אִיר זֶענְט גִידֶעכִינְט בַּיי משֶׁה אַזוֹי וִוי מִיסְט . משֶׁה הָאט גֶ גֶעבֶּן זַיינֶע אוֹיגֶען אוֹיף אַייעֶרֶע הָאר . עֶס פַאר דְרִיסְט אִיהם פַאר וָואס אִיר הָאט שֵׁיינֶע הָאר . דְרִיבֶּער הָאט עֶר גִיהֵייסֶען אִיר זָאלְט אָפּ גָאלִין אַייעֶרֶע הָאר אִיר זָאלְט מִיאוּס אוֹיס זֶעהְן . הָט קֹרַח גְזָאגְט צוּ זַיין וַוייבּ משֶׁה הָאט דָאךְ זַיינֶע הָאר אוֹיךְ אָפּ גִיגָאלְט . הָאט דָאס וַוייבּ גְזָאגְט וַוייל דָאס גַאנְצֶע גְרוֹיסְקֵייט אִיז משֶׁהס . הָאט משֶׁה גְזָאגְט (אַזוֹי וִויא שִׁמְשׁוֹן הָאט גְזָאגְט אִיךְ וִויל שְׁטַארְבֶּן מִיט דִיא פְּלִשְׁתִּים) . אִיךְ וֶועל אָפּ שֶׁערִין מַיינֶע הָאר אֲפִילוּ אִיךְ וֶועל אוֹיךְ זַיין גִיט שֵׁיין . אַבִּי נָאר דִיא זָוִים זָאגֶן אָפּ שֶׁערִין זַייעֶרֶע הָאר אוּנ זָאגֶן זַיין פַאר מִיאוּסְת . נָאךְ הָאט משֶׁה גִיטָאהן . עֶר הָט גְזָאגְט צוּ אַייךְ אִיר זָאלְט מַאכֶען צִיצִית אִין אַייעֶרֶע קְלֵיידֶער אוּנ אִין יֶעדְער צִיצָה זָאל זַיין אַפָּאדִים תְּכֵלֶת (בְּלָאהֶע וָואל) . אוֹיבּ עֶס אִיז אַמִצְוָה צוּ גֵיין מִיט בְּלָאהֶע וָואל . נֶעם קְלֵיידֶער וָואס זֶענֶען אִין גַאנְצִין גִימַאכְט פוּן בְּלָאהֶע וָואל אוּנ גִיבּ דִיא קְלֵיידֶער צוּא דַיינֶע אַלֶע מֶענְטְשִׁין אוּנ זַייא זָאגֶן דִיא קְלֵיידֶער

בנתה ביתה זו אשתו של און בן פלת . ואולת בידיה תהרסנו זו אשתו של קרח :

(במדבר טז) קרב ויקומו לפני משה ואנשים מבני ישראל חמשים ומאתים . מיוחדים שבעדה . קריאי מועד שהיו יודעים לעבר שנים ולקבוע חדשים . אנשי שם שהיה להם שם בכל העולם . (שם) וישמע משה ויפול על פניו מה שמועה שמע אמר ר' שמואל בר נחמני אמר ר' יונתן שחשדוהו באשת איש שנאמר (תהלים קו) ויקנאו למשה במחנה א"ר שמואל בר יצחק מלמד שכל אחד ואחד קינא את אשתו ממשה שנאמר (שמות לג) ומשה יקח את האהל ונטה לו מחוץ למחנה . (במדבר טז) ויקם משה וילך אל דתן ואבירם אמר ר"ל מכאן שאין מחזיקים במחלוקת דאמר רב כל המחזיק במחלוקת עובר בלאו שנאמר (שם יז) ולא יהיה כקרח וכעדתו רב אשי אמר ראוי ליצטרע כתיב הכא (שם) ביד משה לו וכתיב התם (שמות ד) ויאמר ה' לו עוד הבא נא ידך בחיקך . אמר רבי יוסי כל החולק על מלכות בית דוד

קנא לאשתו אל תסתרי עם משה . קינוי היינו סתירה : ונטה לו מחוץ למחנה . יצא מחוץ למחנה שלא יחשדוהו עוד : מכאן שאין מחזיקין במחלוקת ; שמחל על כבודו והלך לבטל מחלוקת : חולק על רבו . חולק על ישיבתו : אמר רבו על משה ועל

טראָגן אויף זיך וועט דאָך זיין מער מצוה . זאָגט די גמרא דס איז ווס שלכה המלך האָט גזאָגט די קלוגע ווייב באַהט אויף איר הויז . דאָס מיינט מען די ווייב פון און בן פלת . און די נאַרישע ווייב צוא וואַרפט איר הויז מיט אירע אייגענע הענט . דאָס איז געווען די ווייב פון קרח :

קרב ויקומו . זייא האָבען זיך געשטעלט פאַר משה און מענטשן פון די יודין וועגען געווען צוויי הונדערט מיט פופציג . די גרעסטע מענטשן פון יודין . מען פלעגט זייא רופען צו אַ פאַר זאַמלונג וואָרום זייא האָבען געוואוסט וועלכן יאָהר מען דאַרף מאַכען דרייצעהן חדשים . און וועלכן טאָג מען דאַרף מאַכען ראש חודש . זייא זענען געווען מענטשן מיט אַנאָמען . זייא האָבען געהאַט אַנאָמען אין דער גאַנצער וועלט . משה האָט געהערט איז ער געפאַלען אויף זיין פנים . וואָס האָט משה געהערט . רבי שמואל בר נחמני האָט געזאָגט פון רבי יונתן וועגין זייא האָבען חושד געווען משה אַז ער האָט מזנה געווען מיט אַ אשת איש ומיט אַ ווייב וואָס האָט אַ מאַן . אַזוי ווייא עס שטייט אין פסוק ויקנאו למשה במחנה . ויקנאו איז דער טייטש פאַר באַטען . רבי שמואל בר יצחק זאָגט דער פסוק לערנט אונז אַז יעדער יוד האָט פאַר באַטען זיין ווייב זיא זאָל ניט זיין אַליין אין אַ שטוב מיט משה . וואָרום זייא האָבען חושד געווען משה אַז ער וועט מזנה זיין מיט וועלכע ווייב ער וועט טרעפען אַליין . אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק משה האָט גענומען זיין געצעלט און האָט איהם געשטעלט אויסער די מחנה . מען זאָל איהם ניט חושד זיין אויף מזנה זיין . עס שטייט אין פסוק משה איז אויף געשטאַנען און איז געגאַנגען צו דתן און אבירם . ריש לקיש זאָגט פון דאַנען זעהן מיר אַז מען זאָל ניט האַלטען קיין קריג . וואָרום משה האָט מוחל געווען זיין כבוד און איז געגאַנגען צוא דתן און אבירם נאָר עס זאָל ווערין שלום . וואָרום רב האָט געזאָגט דער וואָס האַלט אויף אַקריג איז ער עובר אויף אַלאו ; וואָרום עס שטייט אין פסוק עס זאָל ניט זיין אַזוי ווייא קרח מיט זיין פאַר זאַמלונג . רב אשי זאָגט דער מענטש וואָס האַלט אויף אַקריג און וויל ניט מאַכען שלום . איז ער ווערט ער זאָל ווערין קרעציג . וואָרום דאָ שטייט ביד משה לו וויא האַנט פון משה זאָל זיין צו איהם . צו קרח . און דאָרט שטייט גאָט האָט געזאָגט צו משה נאָך אַמאָהל ברייננג דיין האַנט אין דיין שויס . האָט משה אַרויס גענומען די האַנט פון שויס איז זיא געווען קרעציג . מיינט דער פסוק די האַנט פון משה וואָס איז געווען קרעציג דאַרף זיין צו קרח אָדער צוא אַנדערע מענטשן וואָס קריגען און ווילען ניט שלום מאַכען . רבי יוסי זאָגט דער וואָס קריגט אויף די

דוד ראוי להכישו נחש כתיב הכא (מ"א א) ויזבח אדוניהו צאן ובקר ומריא עם אבן הזוחלת וכתיב התם (דברים לג) עם חמת זוחלי עפר. א"ר חסדא כל החולק על רבו כחולק על השכינה שנאמר (במדבר כו) בהצותם על ה'. וא"ר חמא בר חנינא כל העושה מריבה עם רבו כעושה עם השכינה שנאמר (שם כ) המה מי מריבה אשר רבו בני ישראל את ה'. אמר ר' חנינא בר פפא כל המתרעם על רבו כאילו מתרעם על השכינה שנאמר (שמות טז) לא עלינו תלונותיכם כי על ה'. א"ר אבהו כל המהרהר אחר רבו כאילו מהרהר אחר שכינה שנאמר (במדבר כא) וידבר העם באלהים ובמשה. (קהלת ה) עשר שמור לבעליו לרעתו אמר ריש לקיש זה עשרו של קרח. (דברים יא) ואת כל היקום אשר ברגליהם א"ר אלעזר זה ממונו של אדם שמעמידו על רגליו. וא"ר לוי משוי שלש מאות פרדות לבנות היו מפתחות של בית גנזיו של קרח וכולהו אקלידי וקליפי דגילדא:

אמר

אבן בעדת קרח כאלהים עלי ל'. מעלה עליהם הכתוב כאילו היו חולקין כלפי שכינה: מריבה. תגר וקטטה לפשפש נגדו בדברים: מתרעם. אומר על רבו שנוהג בו מדה כעוסה ומדה אכזרית: מהרהר. מחפש עליו דברים: אקלידי. מפתחות: קליפי. מנעולים: דגילדא. כולם המפתחות והמנעולים של עור היו ואעפ"כ היו ג' מאות פרדות טעונות. ו ל"א דגילדי לשון שקים והמלגופין וכיסין של עור היו:

מלוכה פון דוד מיט זיינע קינדער. איז ער ווערט אשלאנג זאל איהם בייסען. ווארום דא שטייט אין פסוק אדוניהו האט גישאכטין שעפסין רינדער אונ פעטע אקסין ביא דעם שטיין זוחלת. וואס איז דער טייטש זוחלת. שטייט אין איין אנדער פסוק עם חמת זוחלי עפר. מיט דעם כעס פון דיא וואס קריכען אויף דיא ערד. דאס מיינט מען דעם כעס פון דיא שלאנגען; זוחל איז דער טייטש אשלאנג. זאגט אונז דער פסוק ווען אדוניהו איז גיקומען קריגען אויף דיא מלוכה פון דוד מיט שלמה אונ ער הט גימאכט אסעודה ביי דעם שטיין. איז גיוועען זוחלת. זעגען ארויס גיקומען שלאנגען זייא בייסען. רב חסדא זאגט דער וואס קריגט אויף זיין רבי איז גלייך וויא ער וואלט געקריגט אויף גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בהצותם על ה'. קרח האט געקריגט אויף גאט. וואו געפינען מיר אז קרח האט געקריגט אויף גאט. נאר דאס וואס קרח האט געקריגט אויף זיין רבי משה. איז גלייך וויא ער וואלט געקריגט אויף גאט. נאך האט רבי חמא ברבי חנינא גזאגט דער וואס מאכט אקריג מיט זיין רבי איז גלייך וויא ער וואלט מאכען אקריג מיט גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דאס זענען דיא וואסער פון קריג וואס די יודין האבען געקריגט מיט גאט. וואו געפינען מיר אז דיא יודין האבען געקריגט מיט גאט. נאר דאס וואס די יודין האבען געקריגט מיט זייער רבי משה איז גלייך וויא זייא וואלטין געקריגט מיט גאט; רבי חנינא בר פפא זאגט דער וואס רעט אויף זיין רבי אונ עס פארדריסט אים אויף זיין רבי ער זאגט זיין רבי טוהט ניט מיט רחמנות איז גלייך וויא עס וואלט איהם פארדראסין אויף גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק משה מיט אהרן האבען גזאגט צוא דיא יודין נישט אויף אונז פאר דריסט אייך נאר אויף גאט פאר דריסט אייך. רבי אבהו זאגט דער וואס טראכט אויס פאלשע רייד אויף זיין רבי איז גלייך וויא ער וואלט דאס גיטראכט אויף גאט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דאס פאלק האט גירעט אויף גאט אונ אויף משה. שלמה המלך האט גזאגט עס איז אמאהל דא אבייזער מענטש וואס דיא רייכקייט זיינע ברייגנט איהם צוא שלעכטס. ריש לקיש זאגט דאס איז גיוועען דיא רייכקייט פון קרח. ווייל ער איז גיוועען רייך איז ער ביי זיך גרויס גיוועען האט ער גיוואלט זיין אכהן גדול. אונ ער איז איינגיזונקען גיווארען אין דער ערד. עס שטייט אין פסוק דאס גאנצע בעשטאנד פון זייערע פיס איז אויך איין גיזונקען גיווארין. רבי אלעזר זאגט דאס מיינט מען דיא געלט זייערע. ווארום דאס געלט שטעלט דעם מענטשין אויף זיינע פיס. נאך האט רבי לוי גזאגט דריי הונדערט ווייסע אייזלין האבען גיטראגן די שליסלען פון קרחס אוצרות. אונ די אלע שלעסער מיט דיא שליסלען זענען גיוועען לעדערנע:

קלג אמר רב (חנא) [ח א] בר חנינא ג' מטמוניות הטמין יוסף במצרים אחת נגלתה לקרח ואחת נגלתה לאנטונינוס בן אסוירוס ואחת גנוזה לצדיקים לעתיד לבא. ואמר ר' יוחנן קרח לא מן הבלועין ולא מן השרופים. לא מן הבלועים דכתיב (במדבר טז) ואת כל האדם אשר לקרח ולא קרח ולא מן השרופים דכתיב (שם כו) באכל האש את חמשים ומאתים איש. ולא קרח. במתניתא תנא קרח מן הבלועים ומן השרופים מן הבלועים דכתיב (שם) ותבלע אותם ואת קרח. מן השרופים דכתיב (שם טז) ואש יצאה מאת ה' ותאכל את החמשים ומאתים איש. וקרח בהדייהו:

קלד אמר רבא מאי דכתיב (חבקוק ג) שמש ירח עמד זבולה לאור חציך יהלכו מלמד

לא מן הבלועים ולא מן השרופים. אלא במגפה מת: ולא קרח. דחמשים ומאתים היו לבד קרח דכתיב חמשים ומאתים מחתות ואתה ואהרן איש מחתתו: מן הבלועים ומן השרופים היה. שנשרפה נשמתו וגוף קיים ואח"כ נתגלגל עד מקום הבלועים ונבלע דכתיב ותבלע אותם ואת קרח עמהם. ור"י דאמר לא מן הבלועים ולא מן השרופים דריש ליה הכי ואת קרח לאחריו ואת קרח במות העדה במגפה: וקרח בהדייהו. דכתיב ותאכל את החמשים ומאתים ואת לרבות קרח עמהם. כך שמעתי. ואית דמגרסי וקרח בהדייהו מדכתיב מקריבי הקטרת וקרח ממקריבי הקטרת היה דכתיב חמשים ומאתים מחתות ואתה ואהרן איש מחתתו: שמש ירח עמד זבולה. לעיל מיניה כתיב תבקע ארץ כשעת בקיעת הארץ שנבלעו בקרקע שמש וירח עלו לאותו רקיע ששמו זבול ואמרו להקב"ה אם אי אתה עושה דין לבן עמרם מקרח ועדתו: לא נגא. ואור לעולם: בכבודי לא מחיתם. שהרי

שעלו ש"ש וירח לזבול אמרו לפניו רבש"ע אם אתה עושה דין לבן עמרם נצא ואם לאו לא נצא עד שזורק בהם חצים אמר להם בכבודי לא מחיתם בכבוד בשר ודם

קלג אמר. רבי חמא בר חנינא הט געזאגט דרייא אוצרות האט יוסף בעהאלטען אין מצרים. איין אוצר האט קרח געפונען. דעם אנדערין אוצר האט געפונען אנטונינוס בן אסוירוס. אונ איין אוצר איז נאך בעהאלטען פאר דיא צדיקים ווען משיח וועט קומען. נאך האט רבי יוחנן געזאגט קרח איז ניט איינגעזונקען געווארען אונ ניט פאר ברענט געווארין. פון וואנען ווייסען מיר אז ער איז נישט איין געזונקען געווארין. ווארום עס שטייט אין פסוק אלע מענטשין וואס צו קרח זענען איין געזונקען געווארין. אבער קרח ניט. אונ פון וואנען ווייסען מיר אז ער איז ניט פאר ברענט געווארין. ווארום עס שטייט אין פסוק דער פייער הט פאר ברענט דיא צוויי הונדערט מיט פופציג מענטשין. אבער קרח איז ניט פאר ברענט געווארען. נאר ער איז געשטארבען אין דער מגפה. אין אברייתא האבען מיר געלערנט אז קרח איז איין געזונקען געווארען אונ פאר ברענט געווארען פריער איז פאר ברענט געווארען אין אים די נשמה דער נאך אז ער איז שוין געוועזען טויט. האט זיך זיין גוף געקוילערט ביז דעם ארט וואו די ערד איז געוועזען האפען אונ ער איז אריין געפאלען אין דיא ערד. פון וואנען ווייסען מיר אז ער איז איינגעזונקען געווארען. ווארום עס שטייט אין פסוק דיא ערד האט איין געשלונגען זייא אונ דיא מענטשין וואס צוא קרח מיט קרח. אונ פון וואנען ווייסען מיר אז קרח איז פאר ברענט געווארין. ווארום עס שטייט אין פסוק אפייער איז ארויס געגאנגען פון גאט אונ עס הט פאר ברענט די צוויי הונדערט מיט פופציג מענטשין וועס האבען מקריב געוועזן קטרת. אונ קרח הט דאך אויך מקריב געוועזן קטרת. איז ער אויך פר ברענט געווארען מיט זייא:

קלד אמר. רבא האט געזאגט עס שטייט אין פסוק די זוהן אונ די לבנה איז געשטאנען אין זבול צו דיא ליכטיגקייט פון דיינע פיילין גייען זייא. דער פסוק דער ציילט אונז אז דיא זוהן אונ דיא לבנה זענען ארויף געגאנגען אין דעם הימעל וואס הייסט זבול. אונ זיי האבען געזאגט פאר גאט רבונו של עולם אויב דוא וועסט טאהן אמשפט אין קרח מיט זיינע מענטשין פאר משהס וועגין. וועלין מיר ארויס גיין לייכטין אייף דער וועלט. אונ אויב דוא וועסט ניט משפטין קרח מיט זיינע מענטשין. וועלין מיר ניט ארויס גיין לייכטין אויף דר וועלט ביז גאט האט אויף זייא געווארפין פיילין. אונ גאט האט געזאגט צו זייא מיין כבוד האט איך ניט נאלע טאג בוקין זיך דיא פעקער צו דער זוהן מיט דיא לבנה אונ זייא דינען צוא זייא.

ודם מחיתם והאידנא לא נפקי עד דמחו להו. דרש רבא מ"ד (במדבר פז) ואם בריאה יברא ה' ופצתה האדמה את פיה אמר משה לפני הקב"ה אם בריאה גיהנם מוטב וא"ל יברא ה' למאי אילימא למיברי ממש והא (קהלת א) אין כל חדש תחת השמש אלא לקרובי פתחא (במדבר כו) ובני קרח לא מתו תנא משום רבי אמרו מקום נתבצר להם בגיהנם וישבו עליו ואמרו שירה. אמר רבה בר בר חנא זימנא חדא הוה קאזילנא באורחא אמר לי ההוא טייעא תא ואחוי לך בלועי דקרח וכו':

בכל יום מלבי מזרח ומערב כשמש במניחים בתליהם ברחשם משתחוים לחמה: והאידנא לא נפקי עד דמחו להו. שכך גזר עליהם המקום כך שמעתי. ל"א והאידנא לא נפקי מאחר שראו שהקפיד הקב"ה [עג] שלא מיחו לכבודו עד דמחו לנו לא נפקו שחבו לכבוד המקום על ב"א במשתחוים לשמש ולירח: אין כל חדש תחת השמש. ואי גיהנם לא איברי עד השתא שעתא הוא ליה חדש: לקרובי פתחא. שיקרב פתחה של גיהנם והפתח הארץ במקום שהם: נתבצר. מלשון עיר בצורה התקין להם הקב"ה מקום גבוה שלא העמיקו כל כך בגיהנם ולא מתו: בתפי לא גרסינן: ואומר. לעיל מיניה קרא ארבעים שנה אקוט בדור דהיינו דור המדבר:

(ע"ג) **קלה פיסקא** דור המדבר אין להם חלק לעוה"ב. ת"ר דור המדבר אין להם חלק לעה"ב שנאמר (במדבר יד) במדבר הזה יתמו ושם ימותו יתמו בעה"ז ושם ימותו לעה"ב ואומר (תהלים צה) אשר נשבעתי באפי אם יבואון אל מנוחתי דברי רבי עקיבא ר' אליעזר אומר באין הם לעולם הבא

אונ זייא האבען ניט גיזאגט מיר וועלין ניט ארויס גיין לייכטין. ביז גאט וועט זיי משפטין אונ פאר דעם כבוד פון משה הארט אייך יא. פון דער צייט אן גייען שוין ניט ארויס די זוהן מיט לבנה לייכטען ביז מען שלאגט זייא:

רבא האט גידרשת עס שטייט אין פסוק משה האט גיזאגט אויב גאט וועט בשאפען איין בעשאפונג אונ דיא ערד וועט עפענען איהר מויל אונ זיא וועט איין שלינגען דיא מענטשין פון קרח. אזוי האט משה גיזאגט פאר גאט אויב דער גיהנם איז שוין בשאפין גיווארין איז גוט. אונ אויב ער איז נאך ניט בשאפין גיווארין. זאל אים גאט איצט בשאפין. זאגט דיא גמרא וואס האט משה גימיינט. מיר זאגין זאגין ער הט גימיינט מען זאל טאקי איצט בשאפין אגיהנם. אויב ביז משהס צייט איז נאך דער גיהנם ניט גיוועזן בשאפין. קען ער איצט ניט בשאפין ווערין ווארום עס שטייט אין פסוק עס איז ניטא קיין נייע זאך אונטער די זוהן. נאך דיא ערשטע זעקס טעג וואס די וועלט איז בשאפין גיווארין ווערט שוין מער קיין נייע זאך ניט בשאפין. נאר אזוי הט משה גימיינט אויב דיא טיר פון גיהנם איז דא אויף דעם ארט איז גוט; זאל דיא טיר גיעפינט ווערין. אונ אויב דא איז ניטא קיין טיר. זאל דיא טיר קומען פון דארטין אהער אונ זיא זאל גיעפינט ווערין. עס שטייט אין פסוק דיא קינדער פון קרח זענען ניט גישטארבין. מיר האבין גילערנט רבי האט גיזאגט גאט האט אנגיברייט פון זייערט וועגין אארט אין גיהנם וואס זייא זאלין דארטין קענען זיין לעבעדיג. אונ זייא זענען דארט גיזעסין אונ האבען גיזאגט שירה.

רבה בר בר חנה האט גיזאגט אמאהל בין איך גיגאנגען אין וועג. האט אטעדק צו מיר גיזאגט קום איך וועל דיר ווייזען דעם ארט וואו קרח איז איין גיזונקען גיווארין [אזוי ווי עס שטייט אין מסכת בבא בתרא]:

קלה פיסקא. דער דור וואס איז גישטארבין אין דער מדבר האבין ניט קיין חלק עולם הבא. דיא רבנן האבין גילערנט דער דור וואס איז גישטארבין אין דער מדבר האבין ניט קיין חלק עולם הבא. ווארום עס שטייט אין פסוק אין דעם מדבר וועלין זיי אויס גילאזין ווערין. אונ דארטין וועלין זייא שטארבין. זייא וועלין אויס גילאזט ווערין אויף דער וועלט. אונ דארטין צו עולם הבא וועלין זייא אויך שטארבין. נאך שטייט אין פסוק איך האב גישווארין מיט מיין כעס אויב זיי וועלין קומען צו מיין רוהונג [צו עולם הבא]. אזוי זאגט רבי עקיבא; רבי אליעזר זאגט אז זייא וועלין יא קומען צו עולם הבא. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט פאר זאמלט צו מיר מיינע חסידים דאס מיינט מען דעם דור פון דער מדברו דיא וואס האבין זיך

הבא שנאמר (תס נ) אספו לי חסידי כורתי בריתי עלי זבח אלא מה אני מקיים אשר נשבעתי באפי נשבעתי וחוזרני בי רבי יהושע בן קרחה אומר לא נאמר פסוק זה אלא כנגד דורות הבאים אספו לי חסידי אלו צדיקים שבכל דור ודור כורתי בריתי אלו חנניה מישאל ועזריה שמסרו עצמן לתוך כבשן האש עלי זבח אלו ר' עקיבא וחביריו שמסרו עצמן לשחיטה על דברי תורה. ר' שמעון בן מנסיא אומר באים הם לעה"ב שנאמר (ישעיה לה) ופדויי ה' ישובון ובאו ציון ברנה. אמר רבה בר בר חנה אמר ר' יוחנן שבקיה ר' עקיבא להסידותיה שנאמר (ירמיה ב) הלוך וקראת באזני ירושלים לאמר זכרתי לך חסד נעוריך אהבת כלולותיך לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה ומה אחרים באים בזכותן הם עצמן לא כל שכן:

פירוש: כורתי בריתי עלי זבח. והיינו דור המדבר שכרתו ברית של מקום עלי זבחים ושלמים דכתיב ויזבחו זבחים שלמים וכתיב ויזרוק על העם ויאמר הנה דם הברית אשר כרת ה' עמכם: נשבעתי והוזרני בי. והיינו אשר נשבעתי באפי מפני כעסי נשבעתי ומתחרט אני: אלו חנניה מישאל ועזריה. שמסרו עצמן למיתה בשביל בריתו של מקום: ופדויי ה'. אלו דור המדבר שנפדו ממצרים: שבקיה ר' עקיבא לחסידותיה. שהיה רגיל לזכות את ישראל ושבקא מהייב להו דאמר לעיל דור המדבר אין להם חלק לעוה"ב לקמן מפרש מאי חסידותיה: שנאמר הלוך וקראת. כלומר שהרי היה יכול לדרוש שיש להם חלק לעוה"ב דכתיב הלוך וקראת וגו':

עשרת

פאר בונדען מיט מיר דורך קרבנות אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מען האט גישאכטין קרבנות אונ העלפט בלוט האט מען גישפריינגט אויף דעם מזבח אונ העלפט בלוט האט מען גישפריינגט אויף דעם פאלק) אז זייא ווערין פאר זאמולט צו גאט האבין זייא דאך עולם הבא. עס שטייט דאך אבער אין פסוק אז גאט האט גזאגט איך האב גישווארין מיט כעס זייא זאלין ניט קומען צו מיין רוהונג; אזוי מיינט דער פסוק וויל איך האב גישווארין מיט כעס דריבער קען איך הרטה האבען פון דער שבועה. אונ זייא ווערין יא האבען עולם הבא; רבי יהושע בן קרחה זאגט דער פסוק איז גזאגט גיווארן אויף דיא דורות וואס ווערין קומען; פאר זאמולט צו מיר מיינע חסידים דאס מיינט מען דיא צדיקים וואס זענען אין יעדער דור. וואס זייא האבען גימאכט מיט מיר אפאר בינדונג דאס מיינט מען חנניה מישאל ועזריה וואס זייא האבען זיך גילאזט אריין ווארפען אין פייאר פון מיינעט וועגין. אויף דעם שעכטונג דאס מיינט מען רבי עקיבא מיט זיינע חברים וואס זייא האבען זיך גילאזט שעכטין פון וועגין דער תורה. רבי שמעון בן מנסיא זאגט דיא יודין וואס זענען גישטארבען אין דער מדבר וועלין קומען צוא עולם הבא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ופדויי ה' ישובון. דיא מענטשין וואס גאט האט זייא אוים גילייזט פון מצרים וועלין צוריק גיקערט ווערין צו גאט אונ זייא וועלין קומען אין ציון מיט גזאנג. רבה בר בר חנה האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין רבי עקיבא האט שוין אוועק גילאזין זיין פרומקייט. אייביג איז רבי עקיבא גיוועזן גיוואוהנט צו זוכען אזכות אויף יודין אונ זייא גירעכט מאכען. אונ היינט זאגט ער אז דיא מענטשין וואס זענען גישטארבען אין דער מדבר וועלין ניט האבען קיין עולם הבא. פאר וואס זוכט ער ניט אויף זייא אזכות זייא זאלין יא האבען עולם הבא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צום נביא ירמיה דו זאלסט גיין רופען אין די אויערין פון דיא מענטשין וואס זענען אין ירושלים אונ דוא זאלסט צוא זייא זאגין. איך גידיינק דיר דעם חסד וואס דוא האסט גיטאהן אין דיין יוגענד. איך גידיינק דיין ליבשאפט פון דער צייט וואס דו ביסט גיוועזן צו מיר אזוי ווי אכלה צו אחתן. דו ביסט גיגאנגען נאך מיר אין דער מדבר אין אלאנד וואס אין איר ווערט ניט גיזייט. מאדאך דיא שפעטערדיגע יודין זייערע אייניקלאך) וועלין קומען צו עולם הבא דורך דעם זכות (פון זייערע עלטערין דם זענין די מענטשין וים זענען גישטארבען אין דער מדבר. די מענטשין אליין ווס זענען גישטארבן אין דער מדבר וועלין דאך געווים האבען עולם הבא:

קלו משנה עשרת השבטים אינם עתידין לחזור שנאמר (דברים כט) וישליכם אל ארץ אחרת כיום הזה מה היום הולך ואינו חוזר אף הם הולכים ואינם חוזרים דברי רבי עקיבא ר' אליעזר אומר כיום הזה מה היום מאפיל ומאיר אף הם שאפלה להם כך עתידה להאיר להם: גמ' תנו רבנן עשרת השבטים (אינם עתידים לחזור) [אין להם חלק לעה"ב] שנאמר (שם) ויתשם ה' מעל אדמתם בעה"ז וישליכם אל א"ץ אחרת לעה"ב דברי ר' עקיבא ר' שמעון בן יהודה איש כפר עכו אומר משום ר"ש אם מעשיהם כהיום הזה אינם חוזרים ואם לאו חוזרים. רבי אומר באים הם לעה"ב שנאמר (ישעיה כז) ביום ההוא יתקע בשופר גדול וגו'. אמר רבה בר בר חנה א"ר יוחנן שבקיה

עשרת השבטים שהגלה סנחריב שנא' וינחם בחלח ובחבור נהר גוזן וערי מדי: אין עתידין לחזור. ממקום שגלו והא דאמרינן בגמרא דירמיה החזירן לא שהחזירן כולם אלא מקצתם החזיר: שנאמר וישליכם אל ארץ אחרת כיום הזה. שכך גזר הקב"ה שכיון שעוזבים את תורתו הוא מגלה אותם כיום הזה: מה היום מאפיל. בבקר אפל ובצהרים מאיר אי נמי בערב אפל והולך ולמחרתו מאיר אף עשרת השבטים עתידים לחזור להיות להם חלק לעה"ב לא בניהם ובני בניהם קאמר אלא אותם שגלו הם עצמם אין להם חלק לעוה"ב שרשעים גמורים הם אבל בניהם ודורות הבאים זוכים ומזכין מ"כ: וישליכם אל ארץ אחרת. משמע שיהיו כולם גולין במקום אחד אל ארץ אחרת והיינו עשרת השבטים שהגלה כדכתיב והושיבם במקום אחד כדאמ' שהוליכם למדינת אפריקא אבל ב' השבטים לא גלו למקום אחד אלא נתפזרו בכל הארצות ועליהם הוא אומר אפרקה להם ואקבצם. ה"ג מתניתין עשרת השבטים אין עתידין לחזור: ת"ר עשרת השבטים אין להם חלק לעה"ב. היינו לימות המשיח שלא יקבלם משיח עם שאר גליות לפי שספרו בגנות א"י כדאמרן לעיל כי מטו טוש כו' ובדבר הזה נענשו מרגלים: רבי שמעון אומר. כאי כהיום הזה לומר לך אם מעשיהם כהיום הזה לא יבא להם חלק לעוה"ב: ואם לאו. שיחזרו בתשובה יחזרו גם הם מגלות ויש להם חלק לעוה"ב: האובדים בארץ

קלו עשרת. דיא צעהן שבטים וועלין ניט צוריק קומען פון דעם ארט וואס זיי זענען דארטין. נאר זייא וועלין דארטין זיין אייביג. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט זייא פאר ווארפען אין איין אנדער לאנד אזוי וויא היינטיגען טאג. אזוי וויא דער היינטיגער טאג גייט אוועק אונ וועט ניט צוריק קומען. אזוי זענען דיא צעהן שבטים אוועק גיגאנגען פון ארץ ישראל אונ וועלין ניט צוריק קומען. אזוי זאגט רבי עקיבא. רבי אליעזר זאגט אזוי וויא דער טאג מיינט מען. אזוי וויא דער טאג ווערט פינסטער אונ ווערט צוריק ליכטיג: אזוי דיא צעהן שבטים וואס גאט האט זייא פינסטער גימאכט. איז גאט אן גיברייט ער זאל זייא ליכטיג מאכען:

דיא גמרא זאגט דיא רבנן האבען גילערנט די צעהן שבטים האבען ניט קיין עולם הבא. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט זייא אויס געריסען פון זייער ערד אויף דער וועלט: אונ ער האט זייא אוועק גיווארפען צו איין אנדער לאנד. דאס מיינט מען ער האט זייא אוועק גיווארפען פון עולם הבא. אזוי זאגט רבי עקיבא. רבי שמעון בן יהודה פון דארף עכו זאגט פון רבי שמעונ'ס וועגין אויב זייערע מעשים וועלין זיין אזוי וויא היינטיגער טאג. זייא וועלין ניט תשובה טאהן. וועלין זייא ניט קומען צוריק אין ארץ ישראל [אונ וועלין ניט האבען עולם הבא]: אבער אז זייא וועלין יא תשובה טאהן וועלין זייא האבען עולם הבא אונ וועלין צוריק קומען אין ארץ ישראל. רבי זאגט דיא מענטשין וואס זענען גישטארבען אין דער מדבר אונ דיא צעהן שבטים וועלין יא קומען צו עולם הבא. ווארום עס שטייט אין פסוק אין דעם טאג וואס משיח וועט קומען וועט גיבלאזין ווערין מיט אגרויסען שופר אונ עס וועלין קומען דיא וואס זענען פאר לארן גיווארן אין דעם לאנד אשור. דאס זענען דיא צעהן שבטים. אונ דיא וואס זענען גיוועזען פאר שטויסען אין לאנד מצרים. דאס זענען דיא מענטשין וואס זענען גישטארבען אין דער מדבר. אונ זייא וועלין זיך בוקין צו גאט אויף דעם הייליגען בארג אין ירושלים. רבה בר בר חנה האט גזאגט פון רבי יוחנן'ס וועגין רבי עקיבא האט שוין אוועק גילאזן זיין פרומקייט אייביג איז רבי עקיבא גיוועזען גיוואוהנט צו זוכען אזכות אויף יודין אונ זייא גירעכט מאכען. אונ היינט זאגט ער אז דיא צעהן שבטים וועלין ניט האבען עולם הבא: פאר וואס זוכט ער ניט אויף זיי יא אזכות זייא זאלין יא האבען עולם הבא אזוי וויא עס שטייט אין דעם פסוק גאט האט גזאגט צום נביא ירמיה דוא זאלסט גיין אונ זאלסט אויס רופען דיא רייד אין צפון זייט אונ זאלסט זאגן:

שבקיה ר׳ עקיבא לחסידותיה שנאמר (ירמיה ג) הלוך וקראת את הדברים האלה צפונה ואמרת שובה משובה ישראל נאם ה׳ ולא אפיל פני בכם כי חסיד אני נאם ה׳ ולא אטור לעולם מאי הסידותיה דתניא קטני בני רשעי ישראל אין באין לעה״ב שנאמר (מלאכי ג) כי הנה היום בא בוער כתנור והיו כל זדים וכל עשה רשעה קש ולהט אותם היום הבא אמר ה׳ צבאות אשר לא יעזוב להם שרש וענף שרש בעה״ז וענף לעה״ב דברי רבן גמליאל ר׳ עקיבא אומר באים הם לעה״ב שנאמר (תהלים קטז) שומר פתאים ה׳ שכן קורין בכרכי הים לינוקא פתיא ואומר (דניאל ד) גדו אילנא וחבלוהי ברם עקר שרשוהי בארעא שבוקו ואלא מה אני מקיים לא יעזוב להם שרש וענף שלא יניח להם לא מצוה ולא שיורי מצוה. דבר אחר שורש זו נשמה וענף זה הגוף. אבל קטני בני רשעי עכו״ם

ד״ה

בארץ אשור. אלו עשרת השבטים והנדחים בארץ מצרים אלו דור המדבר וכן לשון ההוכחה ולא שמעתי עוד: שובה משובה. שכל ישראל עתידין לחזור: קטני בני וכו׳. רשעים עצמן פשיטא דאין להם חלק לעה״ב: כדאמרינן בפרק בתרא דכתובות רפאים בל יקומו מי שמרפה עצמו מד״ת אבל בנים שלהם קטנים ולא חטאו פליגי בהו: שרש וענף. אלו בנים קטנים שלהם: שורש בעה״ז. שימותו נפלים וענף לעה״ב שאע״פ שאבותיהם היו רשעים הם לא חטאו: עקר שרשוהי בארעא שבוקו. אלו הבנים קטנים שאע״פ שאבות אין להם חלק תקנה יש להם: שלא יניח להם. הקב״ה: לא מצוה ולא שיורי מצוה. לא מצוה חמורה ולא מצוה קלה הכל יהא מעביר ומשלם שכרם לאלתר כדי לטרדן מן העולם: זו נשמה. שמעמדת הגוף כשורש שמעמיד האילן: אבל קטני בני רשעי עכו״ם. דוקא קאמר רשעי דאילו חסידי אוה״ע פליגי בה ואיכא למ״ד הן עצמן באין ואיכא למ״ד אין באין כדאמרן לעיל (דף קה) ישובו רשעים לשאולה כל גוים שכחי אלהים מכאן שאין להם חלק לעולם הבא אמר ליה רבי יהושע וכי נאמר בכל גוים והלא לא נאמר אלא כל הגוים שכחי אלהים הא אין שכחי אלהים יש להם חלק לעה״ב: ה״ג אבל קטני רשעי עכו״ם דברי הכל אין באין:

קערט אייך צוריק איר ווילדע יודין זאגט גאט איך וועל ניט מאכען פאלען מיין כעס אויף אייך ווארום איך בין אחסיד זאגט גאט אונ איך וועל ניט היטען דיא פיינדשאפט אויף אייביג, אונ דער פסוק איז גזאגט געווארען צו דיא צעהן שבטים. זעהן מיר אז דיא צעהן שבטים וועלין אויך צוריק קומען אונ וועלין האבען עולם הבא. פרעגט דיא גמרא וואו האבען מיר געזעהן דיא פרומקייט פון רבי עקיבא אז ער איז מזכה מענטשין צוא עולם הבא. ווארום מיר האבען גיהערט דיא קליינע קינדער פון דיא יודישע רשעים וואס זענען געשטארבען וועלין ניט קומען צוא עולם הבא. ווארום עס שטייט אין פסוק דער טאג וועט קומען ער וועט ברענען וויא אהויבין. אונ אלע רשעים וואס טוהען שלעכטס וועלין זיין וויא שטרויא אונ דער טאג וואס וועט קומען וועט זייא פאר ברענען. אזוי זאגט גאט וואס ער וועט ניט איבער לאזין פון זייא קיין ווארציל אונ קיין צווייג. קיין ווארציל אויף דער וועלט דאס מיינט מען דיא קינדער זייערע וועלין אוועק גיין פון דער וועלט ווען זייא וועלין נאך זיין גאר קליין) אונ קיין צווייג אויף יענע וועלט ודיא געשטארבענע קליינע קינדער זייערע וועלין ניט קומען צוא עולם הבא). אזוי זאגט רבן גמליאל. רבי עקיבא זאגט דיא קליינע קינדער פון די רשעים וועלין יא האבען עולם הבא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שומר פתאים ה׳. גאט היט דיא פתאים. אונ אין די שטעט פון ים רופט מען אויף אקינד פתיא. זאגט דער פסוק גאט היט דיא קינדער. נאך זאגט דער פסוק מען זאל אפ שניידען דעם בוים אונ מען זאל איהם פאר דארבין נאר דעם ווארציל זאל מען לאזין אין דיא ערד ודעם ווארציל מיינט מען דיא קליינע קינדער. זייא וועלין האבען אאייביגע איבער בלייבונג אויף עולם הבא). נאר וואס דען שטייט אין פסוק גאט וועט ניט איבער לאזין צו זיי אווארציל אונ אצווייג. דס מיינט מען גאט וועט ניט איבער לאזין צו די רשעים קיין מצוה אונ קיין איבער בלייבונג פון אמצוה וועלכע עס זאל ניט זיין בצאהלט אויף דער וועלט. גאט וועט בצאהלען צוא דיא רשעים אויף דער וועלט פאר אלע מצות וואס זייא טוהען. זייא זאלין צוא עולם הבא גאר קיין חלק ניט האבען. אנדערע זאגען אווארציל מיינט מען דיא נשמה. אצווייג מיינט מען דעם גוף. דער גוף מיט דער נשמה פון דיא רשעים וועלין פאר לענדט ווערין. אבער פון דיא קליינע קינדער פון דיא רשעים שמועסט גאר ניט דער פסוק. עס קען זיין זייא וועלין יא האבען עולם הבא: אבער דיא קליינע קינדער

ד"ה אין באין לעה"ב. ור"ג נפקא ליה (ישעיה כו) מותאבד כל זכר למו:

קקז איתמר קטן מאימתי בא לעה"ב ר' חייא ור"ש בר רבי ח"א משעה שנולד וח"א משעה שסיפר מאן דאמר משעה שנולד שנאמר (תהלים כב) יבואו ויגידו צדקתו לעם נולד כי עשה ומאן דאמר משעה שסיפר דכתיב (שם) זרע יעבדנו יסופר לה' לדור. איתמר רבינא אמר משעה שנזרע דכתיב זרע יעבדנו. רב נחמן בר יצחק אמר משעה שנימול דכתיב (שם פח) עני אני וגוע מנוער נשאתי אמיך אפונה. תנא משום ר' מאיר משעה שיאמר אמן שנאמר (ישעיה כו) פתחו שערים ויבא גוי צדיק שומר אמונים אל תקרי שומר אמונים אלא שאומר אמן (דף ק"ט) מאי אמן אמר ר' חנינא אל מלך נאמן:

מותאבד כל זכר למו נפקא ליה. כלומר להנא דברייתא והאי דנפקא ליה ד"ה היא דהא שורש וענף מיבעי ליה למר כדאית ליה ולמר כדאית ליה: זרע יעבדנו יסופר לה' לדור. זרע המספר יעבדנו לה' לדור ודור שיחזור לו וימיה: משעה שנזרע. משעה שנקלט הזרע במעי אמו אפי' הפילה אמו ומתה יש לו חלק לעתיד דכתיב זרע יעבדנו והכי אמרינן בכתובות בפרק בתרא נבלתי יקומון לרבות נפלים: עני אני וגוע מנוער. אע"פ שעני אני גויעתי חשובה גויעה וראוי לומר עלי ויגוע ויאסף כלומר שזוכה אני לעתיד לבא כצדיקים שנא' בהן גויעה ומאימתי משעה שאני נושא אימיך ופחדך אפונה מהגלגלת ובכונה עלי והיינו מילה שבבשרו שאנו משמרים מאימתו של הקב"ה: אפונה. לשון אופן: מאי אמן. כשעונין על ברכה אמן היאך משמע קבלת יראת שמים: (אמן) אל מלך נאמן. בנוטריקון שמאמין עליו הקב"ה:

(ישעיה ה) **קקח לכן** הרחיבה שאול נפשה ופערה פיה לבלי חק אמר ריש לקיש למי

פון דיא גוישע רשעים זאגן אלע אז זייא וועלין ניט קומען צו עולם הבא. אונ רבן גמליאל דרשת פון דעם פסוק דו וועסט פאר לירען די רשעים אז פון זיי וועט קיין אנדענקונג ניט בלייבען; אלע קינדער זייערע וועלין פאר לארין ווערין:

קקז איתמר. מיר האבין גילערונט ווען קומט אקינד צו עולם הבא. רבי חייא אונ ר' שמעון בר רבי קריגען. איינער זאגט באלד וויא ער ווערט גיבוירען; אונ איינער זאגט ווען ער הייבט אן צו ריידען. דער וואס זאגט אז דאס קינד האט עולם הבא באלד ווי ער ווערט גיבארען. ווארום עס שטייט אין פסוק זייא וועלען קומען אונ וועלען זאגין זיין פרומקייט צו דעם פאלק וואס וועט גיבארען ווערען וואס ער האט גיטאהן. זעהן מיר אז באלד ווי ער ווערט גיבארען זאגט מען שוין זיין פרומקייט. אונ דער וואס זאגט אז דאס קינד האט עולם הבא ווען ער הייבט אן צו ריידען. ווארום עס שטייט אין פסוק זרע יעבדנו יסופר לה' לדור. דיא קינדער וואס וועלען קענען דער ציילען (ריידען) וועלען דינען צו גאט אויף אייביג. מיר האבען גילערונט רבינא זאגט ווען דער קינד ווערט נאר פאר זייעט אין דער מוטערס בויך אפילו מען איז אים מפיל האט ער אויך עולם הבא. ווארום עס שטייט אין פסוק זרע יעבדנו. דיא שכבת זרע אפילו וועט אויך דינען צו גאט. רב נחמן בר יצחק זאגט ווען דער קינד ווערט גימלת האט ער שוין עולם הבא. ווארום עס שטייט אין פסוק עני אני וגוע מנוער. אפילו איך בין ארעם. פון דעסטוועגין בין איך פרום אז באלד אין דער יוגענד קען הייסין מיין שטארבען גויעה. פאר גאנגען; אזוי וויא מען רופט דאס שטארבען פון דיא צדיקים. דיא פרומקייט האט זיך אויף מיר אזוי ארויף גיקויקלערט פון דער צייט וואס איך האב אנגיהויבען צו טראגען אויף זיך דיין מורא. דאס איז די מצוה פון מילה. מיר האבען גילערונט פון רבי מאירס וועגען ווען דאס קינד זאגט אמן. האט ער שוין עולם הבא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איהר זאלט עפענען דיא טויערין דאס פרומע פאלק זאל אריין קומען שומר אמונים. זאלסט ניט לייענען שומר אמונים. נאר זאלסט לייענען שאומרים אמנים. וואס זייא זאגין אמן. דער וואס זאגט אמן פאר איהם עפענט מען דיא טירען פון גן עדן ער זאל אריין גיין אין גן עדן. וואס איז דער ווארט אמן. רבי חנינא זאגט אמן איז דרייא ווערטער אל מלך נאמן. איך גלויב אז גאט איז א מלך אויף דער גאנצער וועלט:

קקח לכן. דער נביא ישעיה האט גזאגט דריבער האט דער גיהנם דער ברייטערט איר

למי שמשייר אפי' חק אחד אמר ליה ר' יוחנן לא ניחא למרייהו דאמרת עלייהו הכי אלא אפילו לא (עשה) [למד] אלא חק אחד. (זכריה יג) והיה בכל הארץ נאם ה' פי שנים בה יכרתו יגועו והשלשית יותר בה אמר ריש לקיש שלישי של שם אמר ליה ר' יוחנן לא ניחא למרייהו דאמרת עלייהו הכי אלא אפילו שלישי של נח. (ירמיה יג) כי אנכי בעלתי בכם ולקחתי אתכם אחד מעיר ושנים ממשפחה אמר ריש לקיש דברים ככתבן אמר ליה ר' יוחנן לא ניחא למרייהו דאמרת עלייהו הכי אלא אחד מעיר מזכה כל העיר כולה ושנים ממשפחה מזכין כל המשפחה כולה. יתיב רב כהנא קמיה דרב ויתיב וקאמר דברים ככתבן אמר ליה רב לא ניחא למרייהו דאמרת להו

למי שמשייר אפילו חק אחד. שלא שמרו נידון בגיהנם: לא ניחא למרייהו. אין הקב"ה רוצה שתאמר דין את ישראל כל כך לכף חובה: פי שנים בה יכרתו. ויגועו והשלשית יותר בה: אמר ריש לקיש שלישי של שם. שבני חלקים של כל העולם יהיו נכרתים והלק שלישי יותר בה ואי זה חלק שלישי כל שלישים שיש לשלש אנו משלשים שמנח נפרדו כל העולם ושלשה בנים היו לו הרי שליש בניו שם ושלישי של שם הוא ארפכשד כדכתיב בני שם עילם ואשור וארפכשד ולוד וארם ומסתמא בזרעו של ארפכשד יהיה הברית הואיל וישראל יצאו ממנו ושלישי של ארפכשד שהוא שלישי של שם שהוא שלישי של נח יותר וכל העולם יכרת ולדברי ריש לקיש נמצאו ישראל מתמעטין ביותר שמארפכשד יצאו ישראל כדכתיב (בראשית) [בפרשת נח] ארפכשד הוליד את שלח ושלח הוליד את עבר ועבר הוליד את פלג עד אברהם וכשאתה מחלק לשלשה חלקים זרעו של ארפכשד כגון בני ישראל וישמעאל שהם בני אברהם ובני לוט ובני הרן וכן שאר האומות שיצאו ממנו לג' חלקים שמא ישראל יהיו מרובין וקרובים להיות כנגד כולם ולא יגיעו כל זרע ארפכשד להיות פי שנים הלא הם כן ישראל מבלימין רובם או הגים ונמצאו ישראל מתמעטין בתוך פי שנים: לא ניחא ליה למרייהו. להקב"ה שאתה ממעט אותם כ"כ הלא אפי' שלישי של נח כלומר מכל בני נח דהיינו מכל העולם כולו יותר השלישי ומסתמא אותו חלק השלישי שישראל בו יהיה שארית ואם אין ישראל מרובין כ"כ להיות אחד משלשה בעולם יהיו הגרים וחסידי אוה"ע להשלים לשליש ואם הם מרובים להיות יותר מהלק השלישי יתמעטו קצת ומ"מ לר' יוחנן אין ישראל מתמעטין כ"כ כמו

וילען און זיא האט געפינט איר מויל לבלי חק. ריש לקיש זאגט אפילו איינער האט מקיים געווען דיא גאנצע תורה נאר איין מצוה האט ער געלאזען וואס ער האט איר ניט מקיים געווען. וועט ער זיין אין גיהנם. האט רבי יוחנן געזאגט צו ריש לקיש גאט וויל ניט דוא זאלסט אזוי זאגן. נאר אזוי מיינט מען דער וואס האט גאר ניט קיין מצוה. אפילו איין מצוה אויך ניט. דער וועט זיין אין גיהנם. אבער דער וואס האט אפילו נאר איין מצוה וועט ער ניט זיין אין גיהנם. עס שטייט אין פסוק גאט זאגט אזוי וועט זיין אויף דער וועלט: צוויי חלקים וועלין פר שניטען ווערין און שטארבען און אדריטול וועט בלייבען: ריש לקיש זאגט אדריטול פון שם וועט בלייבען. דיא גאנצע וועלט איז געבארען געווארען פון נח. און נח האט געהאט דריי זיהן שם חם יפת. איז שם אדריטול וועלט. שם האט געהאט דריי קינדער ווילם אשור ארפכשד. איז ארפכשד אדריטול פון שם. און אדריטול פון ארפכשד וואס ער איז אדריטול פון שם. וואס שם איז אדריטול פון נח. וועט איבער בלייבען. און די איבעריגע אלע מענטשין וועלין פאר שניטען ווערין. האט רבי יוחנן געזאגט צו ריש לקיש גאט וויל ניט דוא זאלסט אזוי זאגן. אז אזוי ווייניג וועט בלייבען. נאר אדריטול פון נח וועט בלייבען. דאס מיינט מען אדריטול פון דער וועלט וועט בלייבען. אויב יודין וועלין זיין פונקט אדריטול וועלט. וועלין נאר יודין בלייבען. און אויב יודין וועלין זיין ווייניגער וויא אדריטול. וועלין כהעפט ווערין צו זייא פרומע גוים און גרים ביז צו אדריטול. און אויב יודין וועלין זיין מער וויא אדריטול. וועלין דיא ניט פרומע אויך פרלארען ווערין. עס זאל נאר בלייבען אדריטול. עס שטייט אין פסוק גאט זאגט איך וועל ווערין אייער בעל הבית און איך וועל אייך נעמען איינעם פון אשטאט און צוויי פון אמשפחה. ריש לקיש זאגט עס וועט זיין אזוי וויא עס איז געשריבען עס וועט ניט מער בלייבען נאר איינער פון אשטאט און צוויי פון אמשפחה: האט רבי יוחנן געזאגט צו ריש לקיש גאט וויל ניט דו זאלסט אזוי זאגן. נאר אזוי מיינט דער פסוק איין צדיק פון אשטאט וועט מזכה זיין דיא גאנצע שטאט: און צוויי צדיקים פון אמשפחה וועלין מזכה זיין דיא גאנצע משפחה. און אזוי מיינט דער פסוק וועגין איין צדיק וואס אין שטאט וועל איך נעמען דיא גאנצע שטאט. און וועגין צוויי צדיקים וואס אין אמשפחה וועל איך נעמען דיא גאנצע משפחה. רב כהנא איז געזעסען פאר רב. און

להו הכי אלא אחד מעיר מזכה כל העיר ושנים ממשפחה מזכין כל המשפחה חזייה דהוה קא הייף רישיה וסליק ויתיב קמיה דרב א"ל (איוב כח) לא תמצא בארץ החיים א"ל מילט קא לייטת לי א"ל קרא קאמינא לא תמצא תורה במי שמחיה עצמו עליה. תניא ר' סימאי אומר נאמר (שמות ו) ולקחתי אתכם לי לעם ונאמר (שם) והבאתי אתכם מקיש יציאתן ממצרים לביאתן לארץ מה ביאתן לארץ שנים מששים רבוא אף יציאתן ממצרים שנים מששים רבוא. אמר רבא וכן לימות המשיח שנאמר (הושע ב) וענתה שמה כימי נעוריה וכיום עלותה מארץ מצרים:

תניא

כמו לדברי ר"ש בן לקיש: דברים ככתבן. שלא ימלטו אלא אחד מעיר ושנים ממשפחה: ולקחתי אחד מעיר. בשביל חסיד א' שיש בעיר אקח כל העיר כולה: חזייה. רב לרב כהנא: דקא הייף רישיה. חופף ראשו ומעדן בעצמו בשעה שהיה לו ללמוד תורה: לא תמצא בארץ החיים. משמע שמקללו לא יבוא לעוה"ב: נאמר. בפרשת וארא ולקחתי אתכם לי לעם וכתיב בתריה והבאתי אתכם אל הארץ: מה ביאתן לארץ שנים מששים רבוא. שלא נשתיירו מששים רבוא שיצאו ממצרים אלא שני אנשים יהושע וכלב כדאמרינן בב"ב בפרק יש נוחלין לא נגזרה גזרה לא בפחות מעשרים ולא ביותר מששים שנה דבכך נמי ששים רבוא שנמנו במדבר לא אהבו לא פחות מבן עשרים ולא יותר מבן ששים שנה מ"ר: אף יציאתן ממצרים שנים מששים רבוא. שמכל ששים רבוא שהיו במצרים לא נשתייר מהם אלא שנים בלבד ואותם שנים של ששים רבוא עלו לששים רבואות שיצאו א' מששים רבוא שהיו בהם ובאחר מתו כולם בשלשת ימי אפלה שלא יצאו ממצרים רוצים במפלתן של ישראל: וכן לימות המשיח. שלא ישארו מכל ששים רבוא אלא שנים: וענתה שמה כימי נעוריה וכיום עלותה מארץ מצרים. עניים וצדיקים יהיו. כימי עלותם מארץ מצרים:

מעכו

ער האָט גזאָגט עס וועט זיין אַזוי וויא עס איז געשריבען. אַז מען וועט נאָר נעמען איינעם פון אַשטאָט אונ צוויי פון אַמשפחה. האָט רב גזאָגט צו רב כהנא גאָט וויל ניט דוא זאָלסט אַזוי זאָגען. נאָר אַזוי מיינט דער פסוק איין צדיק פון אַשטאָט וועט מזכה זיין דיא גאַנצע שטאָט. אונ צוויי צדיקים פון אַמשפחה וועלין מזכה זיין דיא גאַנצע משפחה. וויא רבי יוחנן האָט גזאָגט]. רב האָט גיזעהן וויא רב כהנא פאַר קעמט זיינע האָר פון קאָפּ. אונ פוצט זיך אויס. דער נאָך קומט ער פאַר רב לערנען תורה. האָט רב גזאָגט צו רב כהנא דער פסוק זאָגט לא תמצא בארץ החיים. האָט רב כהנא גיטייטשט דיא ווערטער אַז רב זאָגט צו איהם דוא וועסט ניט גיפונען ווערין אויף דיא לעבעדיגע וועלט. האָט רב כהנא גזאָגט צו רב דוא פלוכסט מיך. האָט רב גזאָגט צו רב כהנא איך זאָג דיר אַפסוק לא תמצא בארץ החיים. נאָר דוא זאָלסט ניט טייטשין דיא צוויי ווערטער לא תמצא דוא זאָלסט ניט גיפינען ווערין. נאָר דוא זאָלסט טייטשין לא תמצא זיא וועט ניט געפונען ווערין. איך מיין דיא תורה וועט ניט געפונען ביי דיא מענטשין וואָס ווילען לעבען אויף דער וועלט מיט פערגעניגען: מיר האָבען גילערנט רבי סימאי זאָגט עס שטייט אין פסוק גאָט האָט גזאָגט איך וועל אייך נעמען צו מיר פאַר אַפאָלק. אונ אין אַנדערין פסוק שטייט איך וועל אייך ברינגען אין אייער לאַנד. גלייכען מיר זייער אַרויס גיין פון מצרים צו זייער אַריין קומען אין ארץ ישראל. אַזוי וויא זייער אַריין קומען אין ארץ ישראל זענען גיוועזען צוויי פון זעקס מאָהל הונדערט טויזענד. וואָרום פון מצרים זענען אַרויס גיגאַנגען זעכס מאָהל הונדערט טויזענד. אונ אַריין גיקומען אין ארץ ישראל זענען נאָר צוויי פון זייא. יהושע אונ כלב; אַזוי זייער אַרויס גיין פון מצרים איז אויך גיוועזען צווייא פון זעקס מאָהל הונדערט טויזענד. פון יעדערע זעקס מאָהל הונדערט טויזענד זענען אַרויס גיגאַנגען נאָר צווייא מענטשין. [אונ דיא איבעריגע מענטשין זענען אַלע גישטאָרבען אין דיא דרייא טעג וואָס איז גיוועזען פינסטער]. אונ דיא צווייער מענטשין האָבען בטראַפען זעקס מאָהל הונדערט טויזענד מענטשין]. רבא זאָגט ווען משיח וועט קומען וועט אויך אַזוי זיין; פון יעדערע זעקס מאָהל הונדערט טויזענד וועט נאָר בלייבען צוויי. אונ דיא איבעריגע וועלין שטאַרבען. אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק וענתה שמה כימי נעוריה [אוּדין וועלין גערעמענערט(?) ווערין דאָרטין אין גלות. אונ זייא וועלין זיין אַזוי וויא זייא זענען גיוועזען אין דער יוגענד]. וכיום עלותה מארץ מצרים. אונ אַזוי וויא זייא זענען גיוועזען אין דעם טאָג וואָס זייא זענען אויך גיגאַנגען פון מצרים:

קלט תניא אמר ר' אליעזר בר' יוסי פעם אחת נכנסתי לאלכסנדריא של מצ־ים ומצאתי זקן אחד ואמר לי בא ואראך מה עשו אבות' לאבותיך מהם טבעו בים מהם הרגו בחרב מהם מעכו בבנין ועל דבר זה נענש משה רבינו שנאמר (שמות ה) ומאז באתי אל פרעה לדבר בשמך הרע לעם הזה א"ל הקב"ה הבל על דאבדין ולא משתכחין הרבה פעמים נגליתי לאברהם יצחק ויעקב באל שדי ולא הרהרו על מדותי ולא אמרו לי מה שמך. אמרתי לאברהם (בראשית יג) קום התהלך בארץ לארכה ולרחבה כי לך אתננה בקש מקום לקבור את שרה ולא מצא עד שקנה בארבע מאות שקל כסף ולא הרהר על מדותי. אמרתי ליצחק (שם כ) גור בארץ הזאת ואהיה עמך ואברכך בקשו עבדיו מים לשתות ולא מצאו עד שעשה מריבה שנאמר (שם) ויריבו רועי גרר עם רועי יצחק לאמר לנו המים ולא הירהר אחר מדותי. אמרתי ליעקב (שם כח) הארץ אשר אתה שוכב עליה לך אתננה בקש מקום לנטוע אהלו ולא מצא עד שקנה במאה

מעכו בבנין. היו בונין אותם במקום לבנים: ועל דבר זה נענש משה רבינו. שכשראה שנעשה לישראל כך התחיל להתרעם ולהרהר לפני הקב"ה אמר משה לפני הקב"ה ומאז באתי וגו': א"ל הבל על דאבדין ולא משתכחין. הפסד גדול יש על חסידים שאבדו ואיני יכול למצוא אחרים חסידים כמותם שאין אתה כאברהם יצחק ויעקב שלא הרהרו אחר מדותי: אל שדי. שאמרתי לו אני אל שדי פרה ורבה וגו' אני אל שדי התהלך לפני והיה תמים והייתי מבטיחו שכל ארץ ישראל לו ולבניו ולא אמרו מה שמך כמו שעשית אתה: בתחלה אמרת לי מה שמך. ועכשיו הרהרת על מדותי ואמרת והצל לא הצלת את עמך: לנטוע אהלו. כמו זיעט אהלי אפדנו ולשון נטיעה שייך באהל:

קלט תַּנְיָא. מִיר הָאבְּן גִילֶערוּנְט רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בְּרַבִּי יוֹסִי זָאגְט אַמָאהל בִּין אִיךְ אַרַיין גִיגַאנגֶען אִין דִיא שְׁטָאט אַלֶכְּסַנְדְרִיָא פוּן מִצְרַיִם הָאבּ אִיךְ דָארט גִיטְרָאפִין אַאַלטֶען מַאן הָאט דֶער אַלְטֶער צוּ מִיר גִיזָאגְט קוּם אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזֶען וָואס מַיינֶע עֶלְטֶערֶען הָאבֶּען גִיטָאהן צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערֶען. אַנְדֶערֶע פוּן אַייךְ הָאבֶּען זֵייא דֶער טְרוּנְקֶען אִין וַואסֶער: אַנְדֶערֶע פוּן אַייךְ הָאבֶּען זֵייא גִיהַרְגֶת מִיט דֶעם שְׁוֶוערְד. אַנְדֶערֶע פוּן אַייךְ הָאבֶּען זֵייא אַיינְגִימָאהֶערְט אִין וַואנְט פַאר צִיגוּל. אוּנ אוֹיף דֶער זַאךְ אִיז גִישְׁטְרָאפְט גִיוָוארִין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ. וָוארוּם אַז מֹשֶׁה הָאט גִיזֶעהֶן וָואס דִיא מִצְרִיִים טוּהֶען צוּ דִיא יוּדֶען הָאט עֶר גִיזָאגְט פַאר גָאט פוּן דֶער צַייט וָואס אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען צוּ פַּרְעֹה אוּנ הָאבּ גִירֶעט צוּ אִיהם אִין דַיין נָאמֶען עֶר זָאל אַרוֹיס שִׁיקֶען דִיא יוּדֶען פוּן מִצְרַיִם. הָאט עֶר נָאךְ שְׁלֶעכְטֶער גִיטָאהן צוּם פָאלְק וִויא פְרִיֶער, הָאט גָאט גִיזָאגְט צוּ מֹשֶׁה אִיךְ הָאבּ אַגְרוֹיסֶען שָׁאדֶען וָואס דִיא פְרוּמֶע מֶענְטְשִׁין אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב זֶענֶען פַארְלָארִין גִיוָוארִין. אִיךְ קֶען שׁוֹין נִיט גֶעפִינֶען אַנְדֶערֶע מֶענְטְשִׁין אַזֶעלְכֶע פְרוּמֶע וִויא זֵייא זֶענֶען גִיוֶוען. דוּא בִּיזְט נִיט אַזוֹי פְרוּם וִויא זֵייא זֶענֶען גִיוֶוען. פִיל מָאהל בִּין אִיךְ גִיזֶעהֶן גִיוָוארִין צוּא אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב מִיט דֶעם נָאמֶען אֵל שַׁדַי וּפִיל מָאהל הָאבּ אִיךְ צוּ זֵייא גִיזָאגְט אִיךְ בִּין אַגָאט וָואס קֶען גִינוּג גֶעבֶּען. אוּנ הָאבּ זֵייא צוּ גִיזָאגְט צוּ גֶעבֶּען פִיל זַאכֶען. אוּנ הָאבּ זֵייא נָאךְ נִיט גִיגֶעבֶּען אוּנ זֵייא הָאבֶּען גָאר נִיט גִיטְרַאכְט אוֹיף מִיר פַאר וָואס בִּין אִיךְ נִיט מְקַיֵּים וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ גִיזָאגְט. אוּנ זֵייא הָאבֶּען נִיט גִיזָאגְט צוּ מִיר וִויא אִיז דַיין נָאמֶען. אִיךְ הָאבּ גִיזָאגְט צוּ אַבְרָהָם שְׁטֵייא אוֹיף אוּנ גֵייא אִין דֶער לַאנְד אִין דֶער לֶיינְג אוּנ אִין דֶער בְּרֵייט וָוארוּם צוּ דִיר וֶועל אִיךְ זִיא גֶעבֶּען. פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען וֶוען עֶר הָאט גִידַארְפְט אַאָרְט צוּא בַּגְרָאבִין שָׂרָה הָאט עֶר נִיט גִיפוּנֶען קַיין אוּמְזִיסְטֶען אָרְט נָאר עֶר הָאט גִימוּזְט בַּצָאהלִין פִיר הוּנְדֶערְט טָאלֶער; אוּנ עֶס הָאט אִיהם גָאר נִיט פַאר דְרָאסְטִין אוֹיף מִיר. אִיךְ הָאבּ גִיזָאגְט צוּ יִצְחָק וואוֹהן אִין דִיא לַאנְד אוּנ אִיךְ וֶועל זַיין מִיט דִיר אוּנ אִיךְ וֶועל דִיךְ בֶּענְטְשִׁין. אוּנ אִיךְ וֶועל גֶעבִּין צוּא דַיינֶע קִינְדֶער דִיא אַלֶע לֶענְדֶער. פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען וֶוען זַיינֶע קְנֶעכְט הָאבִּין גִיזוּכְט וַואסֶער צוּם טְרִינְקֶען אוּנ הָאבֶּען נִיט גִיפוּנֶען בִּיז מֶען הָאט זִיךְ גֶעקְרִיגְט אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִיא פַאסְטוּכֶער פוּן גְרָר הָאבֶּען זִיךְ גֶעקְרִיגְט מִיט דִיא פַאסְטוּכֶער פוּן יִצְחָק דִיא פַאסְטוּכֶער פוּן גְרָר הָאבֶּען גִיזָאגְט דִיא וַואסֶער אִיז אוּנְזֶערֶע. אוּנ עֶס הָאט יִצְחָקִן גָאר נִיט פַאר דְרָאסְטִין אוֹיף מִיר. אִיךְ הָאבּ גִיזָאגְט צוּ יַעֲקֹב דִיא עֶרְד וָואס דוּא לִיגְסְט אוֹיף אִיהר וֶועל אִיךְ זִיא גֶעבֶּען צוּ דִיר,

במאה קשיטה ולא הרהר אחר מדותי ולא אמרו לי מה שמך ואתה אמרת לי מה שמך בתחלה ועכשיו אתה אומר לי (שמות ה) והצל לא הצלת את עמך. (שם) עתה תראה אשר אעשה לפרעה במלחמת פרעה אתה רואה ואי אתה רואה במלחמות ל"א מלכים: (שמות לד) **קמ וימהר** משה ויקוד ארצה וישתחו

מה ראה משה ר' חנינא בן (גמליאל) [גמלא] אמר ארך אפים ראה ורבנן אמרי אמת ראה תניא כמאן דאמר ארך אפים ראה דתניא כשעלה משה למרום מצאו להקב"ה שיושב וכותב ארך אפים אמר לפניו רבש"ע ארך אפים לצדיקים א"ל אף לרשעים אמר לפניו רשעים יאבדו א"ל השתא חזית דמיבעי לך. כשהטאו ישראל א"ל לא כך אמרת לי ארך אפים לצדיקים (ע"כ) אמר לפניו רבש"ע ולא כך אמרת לי אף לרשעים והיינו דכתיב (במדבר יד) ועתה יגדל נא כח אדני כאשר דברת לאמר. רבי הגני

עתה תראה. הפעם תראה נפלאות שאני עושה להם:

מה ראה. על איזו מדה של י"ג מדות ראה והשתחוה: אמת ראה. ראה במדותיו שנקראת אמת ונתיירא שיתחייבו ישראל כליה אם הוא דן אותם בדין גמור ומיהר להתפלל עליהם שלא יהא דן אותם לפי מעשיהם: ה"ג תניא כמ"ד ארך אפים ראה דתניא כשעלה משה למרום וכו' אמר לו רשעים יאבדו ולא יהיה לך ארך אפים עליהם: א"ל. הקב"ה לא אמרת ארך אפים לצדיקים ולא לרשעים: אמר לפניו. וכו'. והשתא מסתברא כמ"ד ארך אפים ראה שכיון שראה מדה זו בהקב"ה:

און יעקב האט גיזוכט איין ארט ווא אויף צו שטעלין זיין גיצעלט און ער האט ניט גיפונען ביז ער האט גיקויפט איין ארט פאר הונדערט קשיטה. און עס האט איהם גאר ניט פאר דראסטין אויף מיר. און זייא האבען גאר ניט גיפרעגט ביא מיר וויא איז דיין נאמען. און דוא האסט פריער גיפרעגט ביא מיר וויא איז דיין נאמען. און איצט זאגסטו צו מיר דוא האסט ניט גירעטעט דיין פאלק. איצט וועסטו זעהן וואס איך וועל טאהן צו פרעה. די מלחמה פון פרעה וועסטו יא זעהן. אבער די מלחמה מיט די איין און דרייסיג מלכים וועסטו שוין ניט זעהן:

קמ וימהר. עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט פאר משה זיינע דרייצעהן מדות און משה האט גיאיילט און האט געקניט אויף די ערד און האט זיך גיבוקט. פרעגט די גמרא וואס האט משה איצט גיזעהן פון גאט וואס ער האט נאך ניט גיהאט גיזעהן. רבי חנינא בן גמלא זאגט ער האט גיזעהן די מדה אז גאט האלט איין זיין כעס. די רבנן זאגין ער האט גיזעהן די מדה פון אמת. און אז גאט זאל משפטין נאר מיט דעם אמת זענען די יודען גיוועזן פאר שולדיגט מען זאל זייא פאר לענדין. דריבער האט משה מורא גיהאט און ער האט גיאיילט און האט געקניט פאר גאט און האט גיבעטען פאר די יודען מען זאל זייא מוחל זיין: זאגט די גמרא מיר האבען גילערונט וויא דער וואס זאגט משה האט גיזעהן די מדה אז גאט האלט איין זיין כעס. ווארום מיר האבען גילערונט ווען משה איז ארויף גיגאנגען אויף דעם הימעל האט ער גיטראפען גאט זיצט און שרייבט ארך אפים (אז ער האלט איין דעם כעס) . האט משה גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם דוא האלסט איין דעם כעס אויף די צדיקים (אז זייא זינדיגען עפעס זאלסטו זייא ניט שטראפין באלד נאר זאלסט ווארטען ביז זייא וועלען תשובה טאהן) . האט גאט גיזאגט צו משה איך האלט איין דעם כעס אויף רשעים אויך. האט משה גיזאגט פאר גאט רשעים זאלען פאר לארען ווערען. האט גאט גיזאגט צו משה דוא וועסט זעהן אז דוא וועסט דארפען איך זאל איין האלטען מיין כעס פון רשעים. ווען די יודען האבען גיזינדיגט און משה האט גיבעטען פאר זייא גאט זאל איין האלטען דעם כעס און זאל זייא ניט שטראפין. האט גאט גיזאגט צו משה דוא האסט דאך אליין גיזאגט צו מיר איך זאל נאר איין האלטען דעם כעס פון צדיקים אבער ניט פון רשעים. האט משה גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם דוא האסט דאך צו מיר גיזאגט אז דו האלסט איין דעם כעס פון רשעים אויך. דאס איז וואס עס שטייט אין פסוק משה האט גיזאגט איצט זאל גרויס ווערין דער כח פון גאט אזוי וויא דוא האסט גירעט (דוא זאלסט איין האלטין דעם כעס פון רשעים אויך) . דריבער וויא משה האט גיזעהן די מדה

שהוא ארך אפים אף לרשעים שמח : ה' לאורך ימים . סיימו מדת ארך אפים ועליה אמר משה עדותיך נאמנו מאד שראה אותו כשהוא כותב ופסוק זה משרע"ה אמרו דכתיב לעיל מיניה תפלה למשה איש האלהים :

יצאו אנשים בני בליעל מקרבך . שאין להם חלק לעולם הבא :

החרם אותה פרט לנכסי צדיקים שבחוצה לה .

שאם היו צדיקים דרים בתוכה והוו להו

חגי הוה סליק ואזיל בדרגא דבי רבה בר שילא שמעיה להההוא ינוקא דאמר (תהלים צג) עדותיך נאמנו מאד לביתך נאוה קדש ה' לארך ימים וסמיך ליה (שם צ) תפלה למשה וגו' אמר שמע מיניה ארך אפים ראה :

קמא אמר ר' אלעזר אמר ר' חנינא עתיד הקב"ה להיות עטרה בראש כל צדיק וצדיק וכו' (כמ"ש במגילה פ"א) :

קמב משנה אנשי עיר הנדחת אין להם חלק לעה"ב שנאמר (דברים יג) יצאו אנשים בני בליעל מקרבך וידיחו את יושבי עירם וגו' וכו' כליל לה' אלהיך אמר ר' שמעון אמר הקב"ה אם אתה עושה דין בעיר הנדחת מעלה אני עליך כאלו אתה מעלה עולה כליל לפני . (שם) ולא ידבק בידך מאומה מן החרם שכל זמן שהרשעים בעולם חרון אף בעולם אבדו רשעים מן העולם נסתלק חרון אף מן העולם :

(דף קיב) קמג ת"ר החרם אותה (דברים יג) פרט לנכסי צדיקים שבחוצה לה . ואת כל אשר בה לרבות נכסי צדיקים שבתוכה . שללה ולא שלל

פון גָאט אַז ער הַאלְט אַיין זַיין כַּעַס פון רְשָׁעִים אויך . הָאט זִיךְ מֹשֶׁה גִיפְרֵייט און הָאט גֶעקְנִיט אויף דִיא עֶרְד און הָ״ט זִיךְ גִיבּוּקְט . רַבִּי חַגַי אִיז אַרויף גִיגַאנְגֶען אויף דִיא טְרֶעפּ פון רַבָּה בַּר שִׁילָא . הָאט עֶר גִיהֶערְט וִויא אַקִינְד זָאגְט . דֶעם פָּסוּק דַיינֶע עֵדוּת זֶענֶען זֵייעֶר בַּגְלויבְּט צוּ דַיין שְׁטוּבּ אִיז שֵׁיין דִיא הֵיילִיגְקֵייט גָאט הַאלְט אַיין זַיין כַּעַס אויף אַלַאנְגֶע צַייט . אוּן נֶעבִּין דֶעם קַפִּיטוּל שְׁטֵייט דֶער קַפִּיטוּל תְּפִלָּה לְמֹשֶׁה . זֶעהְן מִיר אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גִזָאגְט דֶעם פָּסוּק און הָאט גְלויבְּט גָאט פַאר וָואס עֶר הַאלְט אַיין זַיין כַּעַס . וַוייסֶען מִיר פון דַאנֶען וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דֶער תּוֹרָה אַז מֹשֶׁה הָט גֶעקְנִיט פַר גָאט דָס אִיז אויך גִיוֶוען אויף דֶער מִדָּה וָואס עֶר הָט גִיזֶעהְן אַז גָאט הַאלְט אַיין זַיין כַּעַס :

קמא אָמַר . רַבִּי אֶלְעָזָר הָאט גְזָאגְט פון רַבִּי חֲנִינָא וֶועגְן גָאט וֶועט זַיין אַקְרוֹין אויף דֶעם קָאפּ פון יֶעדֶער צַדִּיק [אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דֶער מסכת מגילה] :

קמב מִשְׁנָה . אַנְשֵׁי . אויבּ דִיא מֶענְטְשֶׁין פון אַשְׁטָאט זֶענֶען פַאר שְׁטויסֶען גִיוָוארֶען [אִיבֶּער גִירֶעט גִיוָוארֶען] צוּ דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה הָאבֶּען זֵייא נִיט קֵיין חֵלֶק עוֹלָם הַבָּא . וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עֶס זֶענֶען אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען מֶענְטְשֶׁין [בְּלִיַּעַל דָאס אִיז צְוֵויי ווערְטֶער בְּלִי יַעַל וָואס וֶועלִין נִיט אויף גֵיין צוּ עוֹלָם הַבָּא פון דִיר [פון דִיא שְׁטָאט] און הָאבֶּען פַאר שְׁטויסֶען [אִיבֶּער גִירֶעט] דִיא זִיצֶער [דִיא אַיינְוואוֹהנֶער] פון זֵייעֶר שְׁטָאט זֵייא זָאלֶן דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה . כָּלִיל לַה' אֱלֹקֶיךָ . זָאל דִיא שְׁטָאט אִין גַאנְצֶען פַאר בְּרֶענְט וֶוערִין צוּ גָאט . רַבִּי שִׁמְעוֹן זָאגְט גָאט הָאט גְזָאגְט אויבּ אִיר וֶועט טָאהְן אַמִשְׁפָּט אָן דִיא שְׁטָאט וָואס הָאט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה . און אִיר הָאט דִיא מֶענְטְשִׁין גִיהַרְגֶעת און זֵייעֶר פַאר מֶעגִין פַאר בְּרֶענְט אִיז בַּיי מִיר גְלַייךְ וִויא אִיר וָואלְט מַקְרִיב גִיוֶוען און פַאר בְּרֶענְט אַעוֹלָה פַאר מִיר . עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עֶס זָאל נִיט בַּהֶעפְט וֶוערִין אִין דַיין הַאנְט קֵיין זַאךְ פון דִיא פַאר ווּיסְטוּנְג פון דִיא שְׁטָאט . וָוארוּם אַזוֹי לַאנְג וִויא דִיא רְשָׁעִים זֶענֶען אויף דֶער וֶועלְט אִיז דֶער כַּעַס פון גָאט אויף דֶער וֶועלְט . אַז דִיא רְשָׁעִים וֶוערִין פַאר לָארִין פון דֶער וֶועלְט . וֶוערְט צוּ גִיטָאהְן דֶער כַּעַס פון גָאט פון דֶער וֶועלְט :

קמג תָּנוּ רַבָּנָן . דִיא רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערְנְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דוּא זָאלְסְט פַאר ווּיסְטֶען דִיא שְׁטָאט וָואס הָאט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה : אָבֶּער דִיא צַדִּיקִים וָואס וואוֹהנֶען אִין שְׁטָאט און זֵייא הָאבֶּען זֵייעֶר פַאר מֶעגִין אוֹיסֶער דֶער שְׁטָאט : זָאל מֶען נִיט פַאר ווּיסְטֶען דֶעם פַאר מֶעגִין וָואס אוֹיסֶער דִיא שְׁטָאט . און עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דוּא זָאלְסְט פַאר ווּיסְטֶען אַלִין

שלל שמים. ואת כל שללה לרבות נכסי רשעים שבחוצה לה. א"ר שמעון מפני מה אמרה תורה נכסי צדיקים שבתוכה יאבדו כי גרם להם שידורו בתוכה מכונם לפיכך כמונם אבד:

(דף קיג) (יהושע ו) קמד וישבע יהושע בעת ההיא לאמר

ארור האיש לפני ה' אשר יקום ובנה את העיר הזאת את יריחו גו' (ממשמע שנאמר העיר הזאת איני יודע שהוא יריחו אלא מה ת"ל יריחו) [תניא] לא יריחו על שם עיר אחרת ולא עיר אחרת על שם יריחו דכתיב (מ"א טז) בימיו בנה חיאל בית האלי את יריחה באבירם בכורו יסדה ובשגוב צעירו הציב דלתיה. תניא באבירם בכורו רשע לא היה לו ללמוד בשגוב צעירו היה לו ללמוד אבירם ושגוב מאי עבוד הכי קאמר באבירם בכורו היה לו ללמוד לאותו רשע בשגוב

נכסים מופקדים במקום אחר ביד אחרים אין מחרימין אותם אבל נכסים שיש להם בתוכה בעיר מחרימין אותם וטעמא מפורש לקמן: א"ר ש' מפני מה אמרה תורה וכו'. בכל דוכתא דריש ר"ש טעמא דקרא:

ה"ג וישבע יהושע לאמר ארור האיש וגו'. וקרא דריש ואזיל בבכורו ייסדנה ובצעירו יציב דלתיה כשיתחיל לבנותה ימות בכורו וכשיעמיד דלתיה ימות בנו הקטן: לא יריחו על שם עיר אחרת. שלא יבנה יריחו ויסבב שמה על שם עיר אחרת: ולא עיר אחרת על שם יריחו. שאפי' בנה עיר אחרת וקראה יריחו אסור לבנותה שאבי' שם יריחו ימחה לעולם: בימיו בנה חיאל בית האלי את יריחה: בימיו של אחאב ועל שעבר על האלה קרי ליה בית האלי: את יריחו. ו"א יריחו עצמו בנה אלא עיר אחרת בנה על שם יריחו שקראה לה יריחו ולא איפרש הא מנא ליה: באבירם בכורו יסדה. אבירם רשע בשמת אבירם הרשע לא היה לו לחיאל ללמוד שלא לבנות את יריחו: אבירם ושגוב מאי עבוד. דקרי להו רשעים: היה לו לאותו רשע ללמוד בשגוב צעירו. דכיון שקבר בהתחלתו אבירם היה לו לחזור בו שלא ימות שגוב צעירו ומלאה ב' אנפי נפשיה הוא ולא דרשה:

וואס אין דיא שטאט. אפילו דאס פאר מעגין וואס דיא צדיקים האבען אין שטאט זאל מען אויך פאר וויסטען. איר פאר מעגין זאל מען פאר וויסטען. אבער דעם פאר מעגין וואס איז גיהייליגט גיווארין צו גאט זאל מען ניט פאר וויסטען. איר גאנץ פאר מעגין זאל מען פאר וויסטען. אפילו דאס פאר מעגין וואס דיא רשעים האבען אויסער דיא שטאט זאל מען אויך פאר וויסטען. רבי שמעון זאגט פאר וואס האט דיא תורה גזאגט דאס פאר מעגין פון דיא צדיקים וואס אין שטאט זאל מען פאר וויסטען. ווארום פאר וואס וואוהנען דיא צדיקים אין דיא שטאט דורך זייער פאר מעגין. דריבער זאל מען זייער פאר מעגין פאר וויסטען:

קמד וישבע. יהושע האט גישווארין אין דער צייט אונ ער האט גזאגט פארוכט זאל זיין דער מענטש פאר גאט וואס ער וועט אויף שטיין באהעון די שטאט יריחו ווען ער וועט מאכען דעם פונדאמענט פון שטאט זאל שטארבען זיין ערשט גיבארענער זוהן. אונ ווען ער וועט אריין שטעקן דיא טירען זאל שטארבן זיין יינגסטער זוהן. זאגט דיא גמרא מיר האבען גילערנט מען טאר ניט אויף באהען דיא שטאט יריחו אונ איר רופען איין אנדער נאמען. אונ מען טאר ניט אויף באהען איין אנדער שטאט אונ איר רופען דעם נאמען יריחו. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אין זיין צייט האט חיאל בית האלי גיבאהט אשטאט (ניט יריחה) נאר ער האט איר גירופען יריחה. ווען ער האט גימאכט דעם פונדאמענט פון שטאט איז גישטארבען זיין ערשט גיבארענער זוהן אבירם. אונ ווען ער האט גישטעלט דיא טירען איז גישטארבען זיין יינגסטער זוהן שגוב. מיר האבען גילערנט ווען זיין בכור אבירם איז גישטארבען האט חיאל ניט געוואוסט אז דאס איז פון יהושעס קללה. ווייל אבירם איז גיוועזן ארשע. האט חיאל גימיינט אז אבירם איז גישטארבן פאר זיינע זינד. אבער אז זיין יינגסטער זוהן שגוב איז גישטארבען האט שוין חיאל גיבארפט וויסען אז ער איז גישטארבען פון יהושעס קללה. ווארום שגוב איז ניט גיוועזן קיין רשע. פרעגט דיא גמרא וואס האט גיטאהן אבירם אונ שגוב. פון וואנען ווייסטו אז אבירם איז גיוועזן ארשע אונ שגוב איז ניט גיוועזן ארשע. ענטפערט דיא גמרא אזוי מיינט מען דער ווארט רשע זאגט מען אויף חיאל. באלד ווי אבירם איז גישטארבען האט דער רשע חיאל גידארפט וויסען אז ער איז גישטארבין פון יהושעס קללה. האט ער שוין ניט גידארפט באהען ווייטער. ווארום ער האט גידארפט מורא האבען טאמער וועט שטארבען זיין יינגסטער זוהן שגוב אויך. פרעגט דיא גמרא אז אבירם

בשגוב צעירו. כמשמע שנאמר באבירם בכורו איני יודע ששגוב צעירו מה תלמוד לומר שגוב צעירו מלמד שהיה מקבר והולך מאבירם עד שגוב. אחאב שושביניה הוה אתא איהו ואליהו למשאל בשלמא בי טמיא יתיב וקאמר דלמא כי לט יהושע הכי לייט לא יריחו על שם עיר אחרת ולא עיר אחרת על שם יריחו א"ל אליהו אין אמר ליה אחאב השתא לווטא דמשה לא קא מקיימא דכתיב (דברים יא) וסרתם ועבדתם וגו' וכתיב וחרה אף ה' בכם ועצר את השמים ולא יהיה מטר וגו' וההוא גברא אוקים ליה ע"ז על כל תלם ותלם ולא שביק ליה מטרא למיזל מיסגד ליה לווטתא דיהושע תלמידיה מיקיימא מיד (מ"א יז) ויאמר אליהו התשבי מתושבי גלעד גו' חי ה' אלהי ישראל גו' אם יהיה גו' טל ומטר וגו' בעא רחמי ויהבו ליה אקלידא דמטרא וקם ואזל (שם) ויהי דבר ה' אליו לאמר לך מזה ופנית לך קדמה ונסתרת בנחל כרית וגו' והעורבים מביאים לו להם ובשר בבקר מהיכא א"ר יהודה אמר רב מבי טבחי דאחאב. (שם) ויהי מקץ ימים וייבש הנחל כי לא היה גשם בארץ כיון דחזא דאיכא צערא בעלמא כתיב (שם) ויהי דבר ה' אליו לאמר קום לך צרפתה וכתיב (שם) ויהי אחר הדברים האלה

ממשמע שנאמר באבירם בכורו: השתא מתחה אקרא איני יודע ששגוב צעירו אלא מה ת"ל שגוב צעירו שהיה קובר והולך מאבירם ועד שגוב שהוא צעיר מכולם: אחאב שושבינו. אוהבו של חיאל היה אחאב: בי טמיא. [וי"א בי טעמא] בית האבל שמטעימין אותו בדברים לנחמו ובכמה דוכתין כתיב בבראשית רבה טמיא בלא עי"ן לי אבל (לשון אחר טמא אבל באותיות אטב"ח ואלב"ם טמה אבל): על כל תלם ותלם. שורה שורה של ערוגה מקום גבוה הוא: ולא שביקא מטרא מיזל ומסגד. מרוב גשמים הבאים לעולם אין מניחין אותי לילך להשתחוות לע"ז מתוך שהדרכים מליכלכים בטיט: מיד ויאמר אליהו חי ה' אם יהיה השנים האלה טל ומטר וגו'. האי קרא סמוך לקרא דחיאל בית האלי: אקלידא דמטרא. מפתח של מטר: כיון דחזא. הקב"ה דאיכא צערא בעלמא: א"ל. לאליהו לך צרפתה לגלגל הדבר שיחזיר לו מפתח

איז געווען דער עלצטער. ווייסען מיר דאך שוין אז שגוב איז געוועזן דער יינגסטער: ווארום אזוי איז געווען דיא קללה פון יהושע. ביי דעם פונדאמענט זאל שטארבען דער עלצטער. אונ ביי די טירען זאל שטארבען דער יינגסטער. צו וואס שטייט אז שגוב איז געווען דער יינגסטער. נאר דער פסוק דער ציילט אונז אז חיאל האט בגראבען אלע קינדער פון עלצטען ביז דעם יינגסטען. דער מלך אחאב איז געווען אגוטער פריינד פון חיאל. איז געגאנגען אחאב אונ אליהו הנביא טרייסטען דעם חיאל אין זיינע אבלות: איז חיאל געזעסן אונ האט געזאגט טאמער ווען יהושע האט געפלוכט האט ער אזוי געפלוכט מען זאל ניט באהען דיא שטאט יריחה אונ איר רופען איין אנדער נאמען. אונ מען טאר ניט באהען איין אנדער שטאט אונ איר רופען דעם נאמען יריחו. האט אליהו געזאגט צו חיאל יא אזוי האט טאקי יהושע געמיינט. האט אחאב געזאגט צו אליהו מאדאך דיא קללה פון משה ווערט ניט מקוים: ווארום עס שטייט אין פסוק אז איר וועט אפ קערין פון גאט אונ איר וועט דינען אנדערע געטער וועט דער היצט ווערין דער כעס פון גאט אויף אייך אונ ער וועט אויף האלטען דעם הימעל אונ עס וועט ניט זיין קיין רעגין. אונ איך האב געשטעלט עבודה זרות אין דיא פעלדער אויף יעדער בייט [זאגן]. אונ עס גייט אזוי פיל רעגין אז דער רעגין לאזט מיך ניט גיין בוקין צו די עבודה זרות: אונ דיא קללה פון זיין תלמיד יהושע איז יא מקוים געווארין. האט באלד אליהו געזאגט אזוי וויא גאט לעבט אויב עס וועט זיין דריי יאהר טאה אדער רעגין. ער האט געבעטען ביי גאט האט מען אים געגעבן די שליסלען פון רעגין אונ ער איז אוועק געגאנגען. האט גאט געזאגט צו אליהו גיי אוועק פון דאנען אונ דוא זאלסט דיך קערין צו מזרח זייט אונ דו זאלסט דיך פאר בארגן נעבין דעם טייך כרית. אונ דיא קראהען פלעגין ברייגגען צו אליהו ברויט מיט פלייש אלע פריא מארגן. פון וואנען פלעגין זייא נעמען פלייש: האט רב יהודה געזאגט פון רבס וועגין פון דיא קיך פון אחאב. אין אצייט שפעטער איז טרוקען געווארן דער טייך ווייל עס איז ניט געווען קיין רעגין. אז גאט האט געזעהן עס איז אגרויסע צער אויף דער וועלט וואס עס איז ניטא קיין רעגין. האט גאט געזאגט צו אליהו קום גיי אין צרפת דארט וועט דיך שפייזן א אלמנה. דער נאך איז קראנק

האלה חלה בן האשה בעלת הבית בעא רחמי למיתן ליה אקלידא דתחית המתים אמרו ליה שלש מפתחות לא נמסרו לשליח של חיה ושל גשמים ושל תחית המתים יאמרו שתים ביד תלמיד ואחת ביד הרב איתי האי ושקיל האי וכתיב מיד (שם יח) לך הראה אל אחאב ואתנה מטר :

קמה דרש ההוא גלילאה קמיה דרב חסדא משל דאליהו למה הדבר דומה לגברא דטרקיה לגליה ואבדיה למפתחיה דרש ר' יוסי בצפורי אבא אליהו (ע"ב) קפדן הוה רגיל למיתי גביה איכסיא מיניה תלתא יומי ולא אתא כי אתא אמר ליה אמאי לא אתא מר א"ל קפדנא קרית לי א"ל הא דקמן קפיד מר : פיסקא (דברים יג) ולא ידבק בידך מאומה מן החרם כל זמן שרשעים בעולם חרון אף בעולם . מאן רשעים

ש: מטר כדקא מפרש ואזיל : ג' מפתחות (א) נמסרו ביד שליח . על כל האוצרות של הקדוש ברוך הוא יש מפתחות ונמסרו ביד שלוחים הממונים אבל של אלו מפתחות יש לו בידו שלא מינה שליח עליהם מכראשית אלא בידו הם ולא רצה למסור שליח עליהם וקאמר הקב"ה לאליהו אותן שלשה מפתחות שבראתי בידי מבראשית ולא מניתי שליח עליהם אלא אותך עשיתי ממונה על אחד מהם ועתה תבלע מפתח שני יאמרו ב' ביד תלמיד ואחד ביד הרב :

טרקיה לגליה . שסגר שער שלו ואבדיה למפתחיה כך עשה אליהו (נטל מפתח של גשמים שהיה השער) [נעל לשערי מטר] ולבסוף אבד המפתח של גשמים שלא נפתח השער של מטר על ידו דכתיב לך הראה אל אחאב ואתנה מטר ולא כתיב ותן מטר : אבא אליהו . חביבי וגדולי : היה קפדן . שכעס על אחאב ואמר חי ה' אם יהיה השנים האלה טל ומטר : איכסי מיניה . שהיה רגיל למיתי לבי מדרשו כל יומא ולא אתא בתלתא יומי : א"ל . ר' יוסי : הא דקמן דלא קפיד מר . הכי על דבר שאמרתי עליך שאתה

גיוואָרן דער זוהן פון דיא אַלְמָנָה אונ איז געשטאָרבען . האט אליהו געבעטען מען זאל אים געבען דיא שליסלען פון תחית המתים ער זאל קענען לעבעדיג מאַכען דעם קינד . האט גאט געזאגט צו אליהו דריי שליסלען זענען נישט אוועק געגעבען געוואָרען צו א שליח . נאר זייא זענען ביי מיר אין האַנט . דעם שליסעל פון אַנגעווינערין : אונ דעם שליסעל פון רעגין . אונ דעם שליסעל פון תחית המתים . איין שליסעל פון רעגין האָב איך דיר געגעבען . אז איך וועל דיר איצט געבען דעם שליסעל פון תחית המתים אויך . וועסטו האבען צוויי שליסלען אונ איך איינעם וועט מען זאגען דער תלמיד האט צוויי שליסלען אונ דער רבי האט איין שליסעל . ברייננ אפ דעם שליסעל פון רעגין וועל איך דיר געבען דעם שליסעל פון תחית המתים . האט אליהו אזוי געטאהן ער האט אוועק געגעבען דעם שליסעל פון רעגין אונ האט גענומען דעם שליסעל פון תחית המתים אונ האט לעבעדיג געמאַכט דעם קינד אונ וויא גאט האט געהאט צוריק דעם שליסעל פון רעגין האט גאט געזאגט צוא אליהו גייא וועד געזעהן צוא אחאב אונ איך וועל געבען רעגין :

קמה דרש . איינער פון גליל האט גידרשת פאר רב חסדא דיא מעשה פון אליהו אין גלייך צו איינעם וואס האט פאר שלאָסען זיין טויער אונ האט פאר לאָרען דעם שליסעל . מוז קומען דער מייסטער פון שלאָסער אונ עפענען דעם שלאָס . אָבער דער מענטש אַליין קען שוין ניט עפענען . אַזוי איז געוועזען ביי אליהו . ער האט פאר שלאָסען דעם טויער פון רעגין אָבער גיעפינט צוריק דעם טויער האט ניט אליהו . נאר גאט האט געעפינט . רבי יוסי האט גידרשת אין צפורי אונזער פאָטער אליהו הנביא איז געוועזען אַכּעסן . אליהו איז געוועזען געוואוהנט צו קומען אַלע טאָג אין בית המדרש פון רבי יוסי . איז אליהו ניט געקומען דריי טעג . דער נאך אַז אליהו איז געקומען : האט רבי יוסי געזאגט צו אליהו פאר וואס ביסטו שוין דריי טעג ניט געוועזען . האט אליהו געזאגט צוא רבי יוסי דוא האסט מיך גירופען בעסן וועל איך צו דיר קומען . האט רבי יוסי געזאגט איצט זעהט מען אז דער רבי איז טאקי אַבּעסן . וואָרום דורך דעם איין וואָרט בעסן ביסטו ברוגז געוואָרן דריי טעג :

קמו פיסקא . עס שטייט אין פסוק עס זאל ניט בהעפט ווערין אין דיין האַנט עפּעס פון דיא פאר ווישטונג . אַזוי לאנג וויא דיא רשעים וואס האלטען ניט קיין חרם זענען אויף דער וועלט . איז דער כעס פון גאט אויף דער וועלט . ווער זענען דיא רשעים וואס האלטען נים קיין חרם . זאגט רב יוסף גנבים ווארום רש"י בעל הבית וואס ביי איהם איז אַזאך גיגנבה

רשעים אמר רב יוסף גנבי. ת"ר רשע בא לעולם חרון אף בא לעולם שנאמר (משלי יח) בבא רשע בא גם בוז ועם קלון חרפה רשע אבד מן העולם טובה באה לעולם שנאמר (שם יא) ובאבוד רשעים רנה. צדיק נפטר מן העולם רעה בא לעולם שנאמר (ישעיה נז) הצדיק אבד ואין איש שם על לב ואנשי חסד נאספו באין מבין כי מפני הרעה נאסף הצדיק. צדיק בא לעולם טובה באה לעולם שנא' (בראשית ה) זה ינחמנו ממעשנו ומעצבון ידינו:

מקפיד שלא באת אלי בשבת ימים: מפני הרעה. קודם שתבא הרעה הצדיק נאסף מכלל דכיון שמת הרעה באה: אבל צדיק בא לעולם. פסקה הרעה שנאמר זה ינחמנו:

אמר

גיווארן. רופט ער אוים אהם אויף דעם גנב. אונ אז דער גנב גיט ניט אפ דיא גניבה האלט ער דאך ניט דעם חם). דיא רבנן האבען גילערונט אז ארשע קומט אויף דער וועלט קומט אבעס אויף דער וועלט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אז דר רשע קומט קומט מיט אים שאנד. מיט דעם שענדליכען מענטשין קומט מיט שאנד. אז דער רשע ווערט פאר לארין פון דער וועלט. קומט גוטס אויף דער וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז דיא רשעים ווערין פאר לארן איז אגיזאנג. אז אצדיק גייט אוועק פון דער וועלט. קומט שלעכטס אויף דער וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער צדיק ווערט פאר לארין אונ קיין מענטש נעמט דס ניט אויף זיין הארץ. אונ דיא מענטשין וואס טוהען חסד מיט מתים האבען זיך פאר זאמלט צום צדיק זייא זאגן מיט איהם אויך טאהן חסד. קיינער פון זייא פאר שטייט גאר ניט אז דער צדיק איז גישטארבען פאר די שלעכטס וואס דארף קומען אויף דער וועלט. דער צדיק זאל ניט זעהן דיא שלעכטס וואס דארף קומען. זעהן מיר אז נאך דעם צדיקס שטארבען קומט שלעכטס אויף דער וועלט. אז אצדיק קומט אויף דער וועלט קומט גוטס אויף דער וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז נח איז גיבארען גיווארן האט מען גיזאגט דער וועט אונז טרייסטען פון אינזער ארבעט אונ פון אונזערע שווערע ארבעט וואס מיר ארבעטן מיט אונזערע הענט:

סליק מסכת סנהדרין

(דף ב ע"ב) **א אמר** עולא רמז לעדים זוממין שלוקין מן התורה מנין דכתיב (דברים כה) והצדיקו את הצדיק והרשיעו את הרשע והיה אם בן הכות הרשע משום שהצדיקו את הצדיק והרשיעו את הרשע והיה אם בן הכות הרשע אלא עדים שהרשיעו את הצדיק ואתו עדים אחריני והצדיקו את הצדיק דמעיקרא ושוינהו להני רשעים והיה אם בן הכות הרשע. ותיפוק ליה (שמות כ) מלא תענה משום דהוי לאו שאין בו מעשה וכל לאו שאין בו מעשה

רמז לעדים זוממין שלוקין. רמז עדי בן גרושה או עדי גלות שפטרן הכתוב מדין הזמה מנין שהן לוקין ולקמן פריך תיפוק ליה מלא תענה: משום שהצדיקו את הצדיק. בתמיה אי והצדיקו והרשיעו בדיינין קאמר וצדיק ורשע בבעלי דינין למה לי והצדיקו את הצדיק וגו' לכתוב כי יהיה ריב בין אנשים ונגשו אל המשפט ושפטום והיה אם בן הכות הרשע וגו' למה הוזכרה כאן צדקה צדיק וכי כל מקום שהצדיקו בית דין את הזכאי וחייבו את החייב איכא מלקות דאתא קרא למיתלי מלקות בוהצדיקו והרשיעו אלא ע"כ בעדים משתעי קרא עדים שקרים שהרשיעו צדיק ובאו אחרים והזימום והצדיקו את הנדון שהוא צדיק והרשיעו את העדים הרשעים והיה אם בן הכות הרשע אם הזמה זו בת מלקות הוא שאיך יכול לקיים בהו דין הזמה כגון עדי גלות והפילו השופט והכהו לפניו: ותיפוק לי' מלא תענה. כל עונשי לאוין בני מלקות הן אלא במקום שפי' לך בו עונש

פרק ראשון

א אמר. עולא האט געזאגט ווא שטייט אין דער תורה אז מען זאל עדים זוממין שלאגין מלקות · ולמשל צווייא עדות האבין געזאגט פאר בית דין אויף אכהן אז ער איז א זוהן פון אגיגעטש ווייב. זיין מוטער האט גיהאט אמאן אונ מיר האבען אליין געזעהן וויא דער מאן האט איהר גיגעט אין דער שטאט אין דעם טאג אונ זיא האט גינומען איין אנדער מאן אכהן אונ זיא האט גיהאט אזוהן פון דעם כהן · אונ דאס איז דער זוהן. איז ער אזוהן פון אגרושה איז ער פסול צוא זיין אכהן. דער נאך זענען גיקומען אנדערע צווייא עדות אונ האבין געזאגט צוא דיא ערשטע עדות וויא אזוי קענט איהר זאגין אז איר האט אליין געזעהן זיין מוטערס גט וואס איז געווען אין דער שטאט אונ אין דעם טאג. אין דעם טאג זענט איר דאך גאר גיוועזן מיט אונז אין איין אנדער שטאט. אדער צווייא עדות זענען גיקומען פאר בית דין אונ האבין גיזאגט מיר האבין געזעהן וויא זונטאג פריא האט ראובן גיהרגת זיין חבר שמעון אומגעדין אויף דעם ארט. דר נאך זענען גיקומען אנדערע צוויי עדות אונ האבין געזאגט צו דיא ערשטע צווייא עדות וויא אזוי קענט איר זאגין אז איר האט געזעהן זונטאג פריא האט ראובן גיהרגת זיין חבר שמעון אומגעדין אויף דעם ארט. זונטאג פריא זענט איר דאך גאר גיוועזן מיט אונז אין איין אנדער ארט. איז דער דין בייא ביידע זאכין אז מען דארף דיא ערשטע עדות שלאגין מלקות אונ זייא ווערין גירופין עדים זוממין [עדות וואס זענען ליגנערס]. ווא שטייט דאס דער דין אין דער תורה אז מען זאל דיא ערשטע עדות שלאגין מלקות. ווארום עס שטייט אין פסוק והצדיקו את הצדיק והרשיעו את הרשע והיה אם בן הכות הרשע. מיר קענען ניט זאגין אז דער פסוק שמועסט פון בית דין מיט דיא מענטשין וואס זענען גיקומען פאר בית דין. אונ דער פסוק זאגט אז צווייא מענטשין האבין צווישען זיך אקריג אונ זיי זענען גיקומען פאר בית דין אונ בית דין האט גירעכט גימאכט דעם צדיק אונ בשולדיגט דעם רשע. זאגט דיא תורה אז בית דין מעגין דעם רשע שלאגין מלקות. פאר וואס. צוא ווייל דער צדיק איז גירעכט אונ דער רשע איז פאר שולדיגט. דריבער זאל מען דעם רשע שלאגין מלקות. צוא רעדן אויף יעדער זאך שלאגט מען מלקות: נאר אזוי מיינט דער פסוק אויב עדות האבין בשולדיגט דעם צדיק אזוי וויא פריער שטייט זייא האבין גיזאגט אויף אכהן ער איז פסול. אדער אויף ראובן ער האט גיהרגת אמענטשין. דער נאך זענען גיקומען אנדערע עדות אונ האבין גירעכט גימאכט דעם כהן אדער ראובן. אונ זייא זענען גיווארין בייא בית דין צדיקים וויא זייא זענען פריער גיוועזן. אונ דיא אנדערע עדות זאגין אז דיא ערשטע עדות זענען רשעים. אויב בית דין וועלין פאר שטיין אז מען דארף דיא ערשטע עדות שלאגן מלקות. מעג בית דין פסקנן מען זאל זייא שלאגן מלקות. פרעגט דיא גמרא אז דיא ערשטע עדות קומט מלקות דאס ווייסען מיר דאך פון דעם פסוק לא תענה ברעך עד שקר. דו זאלסט ניט זאגן אויף דיין חבר פאלשע

עונש וכאן שאיך יכול לעונשו עונש הכתוב כהס ילקו:
[שהוא כזו . שקרוי שנה]:

מעשה אין לוקין עליו :

(דף ג ע"ב) ב א"ל שמואל לרב מתנה לא תיתיב על כרעך עד (דאמרת)

[דמפרשת] לה להא שמעתא מנא הא מלתא דאמרי רבנן המלוה את חברו סתם אינו רשאי לתובעו פחות מל' יום אחד המלוה בשטר ואחד המלוה על פה א"ל שנאמר (דברים טו) קרבה שנת השבע שנת השמטה כמשמע שנאמר שנת השבע איני יודע שהיא שנת השמטה אלא מה ת"ל שנת השמטה לומר לך יש לך שמטה אחרת שהיא כזו ואיזו זו המלוה את חברו סתם שאינו רשאי לתובעו פחות משלשים יום דאמר מר ל' יום בשנה חשובים שנה :

(דף ס ע"ב) ג משנה (דברים יז) על פי שנים עדים או שלשה עדים אם יתקיים עדות בשנים למה פרט לך הכתוב בשלשה אלא להק"ש שלשה לשנים מה ג' מזימין את השנים אף השנים יזמו את הג' ומנין אפילו מאה ת"ל עדים ר"ש

עדות ; אונ אַז זַייא זָאגֶן - יָא פַאלְשֶׁע עדות הָאבֶּען זַייא דָאךְ עוֹבֵר גִיוֶוען אוֹיף לָאו , אונ אַלֶע מֶענְטְשִׁין וָואס זֶענֶען עוֹבֵר אוֹיף אַ לָאו קוּמְט זַייא מַלְקוֹת . עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא אוֹיף דֶעם לָאו לא תַעֲנֶה בְּרֵעֲךָ וָואלְט זַייא נִיט גִיקוּמֶען קֵיין מַלְקוֹת ; וָוארוּם מַלְקוֹת קוּמְט נָאר אַז מֶען אִיז עוֹבֵר אוֹיף אַזוֹי אַ לָאו וָואס דִיא עֲבֵירָה וֶוערְט גִיטָאהן . לְמָשָׁל מֶען עֶסְט חֲזִיר אָדֶער טְרֵפוֹת . אָבֶּער אוֹיף דֶעם לָאו וָואס וֶוערְט נִיט גִיטָאהן . קוּמְט נִיט קֵיין מַלְקוֹת . אונ פַאלְשֶׁע עדות טוּהֶען דָאךְ אוֹיךְ גָאר נִיט . זַייא רֵייךֶן נָאר . אונ אוֹיף רֵייךֶן קוּמְט נִיט קֵיין מַלְקוֹת . דְרִיבֶּער וָואלְטִין מִיר מֵיינֶען אַז דִיא פַאלְשֶׁע עדות פוּן דֶעם כֹּהֵן אָדֶער פוּן דֶעם וָואס הָט גִיהַרְגֶעט אַ מֶענְטְשִׁין אוּמְגֶעבְּרַאכְט . זָאל מֶען אוֹיךְ נִיט שְׁלָאגֶען מַלְקוֹת . דְרִיבֶּער כוּזִין מִיר אָפּ לֶערְנֶען פוּן אִם בִּן הַכּוֹת הָרָשָׁע אַז מֶען דַארְף זַייא שְׁלָאגֶען מַלְקוֹת :

ב אָמַר . שְׁמוּאֵל הָאט גִזָאגְט צוּ רַב מַתְּנָה דוּא זָאלְסְט דִיךְ נִיט זֶעצִין אוֹיף דַיינֶע פִּיס בִּיז דוּא וֶועסְט מִיר זָאגֶן דֶעם דִין ; פוּן וַואנֶען וַוייסֶען מִיר דִיא זַאךְ וָואס דִיא רַבָּנָן הָאבֶּען גִזָאגְט אַז אֵיינֶער פַאר בָּארְגְט גֶעלְט צוּ זַיין חַבֵר אונ עֶר זָאגְט נִיט אוֹיף וִויא לַאנְג עֶר פַאר בָּארְגְט אִיהם ; טָאר עֶר אִיהם נִיט מָאנֶען דָאס גֶעלְט פַאר דְרַייסִיג טָאג . סַיי עֶר הָאט אִיהם פַאר בָּארְגְט אוֹיף אַ וֶועקְסִיל אונ סַיי עֶר הָאט אִים פַאר בָּארְגְט אוֹים וֶוייְנִיג . הָאט רַב מַתְּנָה גִזָאגְט דָאס וַוייסֶען מִיר פוּן דֶעם פָּסוּק עֶס הָאט גִינֵיעֶנְט דֶער זִיבֶּעטֶער יָאהר דֶער יָאהר וָואס אִיז שְׁמִטָּה . אִיז דָאךְ אַ קַשְׁיָא אַז עֶס שְׁטֵייט דֶער זִיבֶּעטֶער יָאהר וַוייסֶען מִיר דָאךְ אַז דֶער יָאהר אִיז שְׁמִטָּה . צוּ וָואס שְׁטֵייט אֵיין זַאךְ צְוֵויי מָאהל דֶער זִיבֶּעטֶער יָאהר דֶער יָאהר וָואס אִיז שְׁמִטָּה . דַארְף דָאךְ נָאר שְׁטֵיין עֶס הָאט גִינֶעֶנְט דֶער זִיבֶּעטֶער יָאהר . אונ דִיא וֶוערְטֶער דֶער יָאהר וָואס אִיז שְׁמִטָּה אִיז אִיבֶּעְרִיג ; נָאר דֶער פָּסוּק זָאגְט עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ שְׁמִטָּה וָואס אִיז נִיט דֶעם זִיבֶּעטִין יָאהר אונ עֶס אִיז אוֹיךְ שְׁמִטָּה אַזוֹי וִויא דֶעם זִיבֶּעטִין יָאהר . דָאס אִיז אַז אֵיינֶער פַאר בָּארְגְט גֶעלְט צוּ זַיין חַבֵר . אונ עֶר זָאגְט נִיט אוֹיף וִויא לַאנְג עֶר פַאר בָּארְגְט אִיהם . טָאר עֶר נִיט מָאנֶען דָאס גֶעלְט פַאר דְרַייסִיג טָאג . אִיז דִיא דְרַייסִיג טֶעג אוֹיךְ שְׁמִטָּה אַזוֹי וִויא דֶער זִיבֶּעטֶער יָאהר . נָאר עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אָבֶּער שְׁנַת הַשְּׁמִטָּה . דֶער יָאהר שְׁמִטָּה . אונ דִיא שְׁמִטָּה אִיז דָאךְ נָאר דְרַייסִיג טֶעג . דֶער תַּנָּא הָאט גִזָאגְט דְרַייסִיג טֶעג אִין יָאהר וֶוערְט גִירֶעכוּנְט אַ יָאהר .

ג משנה עַל פִּי . אִין דֶער תּוֹרָה שְׁטֵייט דוּרְךְ צְוֵויי עדות אָדֶער דוּרְךְ דְרַיי עדות זָאל מֶען הַרְגְנֶן דֶעם מֶענְטְשׁ פְרֶעגְט דִיא מִשְׁנָה אוֹיב עֶס אִיז גִינוּג צְוֵויא עדות . צוּ וָואס הָאט דֶער פָּסוּק גִזָאגְט דְרַיי עדות . נָאר מֶען זָאל גְלַייכֶען דְרַיי עדות צוּ צְוֵויי עדות . אַזוֹי וִויא אַז דְרַייא עדות מַאכֶען צְוֵויא עדות פַאר לִיגְנֶער . גְלוֹיבְּט מֶען דָאךְ דִיא דְרַיי עדות ; וַוייל זַייא זֶענֶען

ר"ש אומר מה שנים אינם נהרגים עד שיהיו שניהם זוממין אף ג' אינם נהרגים עד שיהיו שלשתן זוממין ומנין אפילו מאה ת"ל עדים ר"ע אומר לא בא השלישי להקל אלא להחמיר עליו לעשות דינו כיוצא באלו א"כ ענש הכתיב לנטפל לעוברי עבירה כעוברי עבירה עאכ"ו שישלם שכר טוב לנטפל לעושי מצוה כעושי מצוה:

(דף ז) ד **משנה** סנהדרין ההורגת אחת בשבוע נקראת חבלנית רבי אלעזר בן עזריה אומר אחת לשבעים שנה. ר' טרפון ור"ע אומרים אילו היינו בסנהדרין לא נהרג אדם מעולם. רבן שמעון בן גמליאל אומר אף הם היו מרבים שופכי דמים בישראל:

ר"ע אומר לא בא השלישי כו'. לא הוליך ללמדנו אלא דממילא ידעינן שהכ"ס מזימין את השלשה שהרי השנים כשרים לכל עדיות וממילא ידעינן שאין זוממין עד שיזומו כולם שהרי כולם כאחד נעשו עדים וקרא כתיב והנה עד שקר העד: לא בא להקל אלא להחמיר עליו. שלא האמר הואיל וכלא הוא היתה עדות מתקיימת לא יעשו בו דין זוממה למדך הכתוב שאף הוא היה מן המקיימי' דבר: עאכ"ו. שמצינו מדה טובה מרובה ממדת פורענות במדה טובה הוא אומר נוצר חסד לאלפים ובמדת פורענות הוא אומר על שלשים ועל רבעים ע"כ:

הזורק

מער. אזוי אויב צוויי עדות זאגן אויף דריי עדות אז זייא זענען ליגנער. גלויבט מען די צוויי עדות. אונ פון וואנעז ווייסען מיר אז צוויי עדות קענען מאכען פאר ליגנער אפילו הונדערט עדות וואס זענען גיקומען מיט איין מאהל עדות זאגין: לערונט אונז דער פסוק מיט דעם ווארט עדים. וויא פיל עדות עס זענען דא זענען זייא גלייך נאר וויא צוויי עדות. רבי שמעון זאגט אזוי וויא צוויי עדות ווערין אנדערש ניט גיהרגת סיידין מען זאל זאגן אויף ביידע אז זייא זענען ליגנער. אבער אז מען זאגט נאר אויף איינעם. הרגת מען ביידע עדות ניט. אזוי אויב דרייא עדות זענען גיקומען צו זאמען עדות זאגן אויף ראובן אז ער האט גיהרגת אמענטשין. דער נאך האט מען זייא גימאכט פאר ליגנער ווערין זייא אנדערש ניט גיהרגת סיידין מען זאל מאכען אלע דריי פאר ליגנער. אויב מען האט גימאכט אלע דרייא פאר ליגנער. ווערין אלע דריי גיהרגת. אבער אז מען האט נאר גימאכט פאר ליגנער צווייא פון זייא: ניט אלע דרייא. הרגת מען קיינעם ניט. אונ פון וואנען ווייסען מיר אז אפילו הונדערט עדות זענען גיקומען מיט איין מאהל עדות זאגן אז ראובן האט גיהרגת אמענטש דער נאך האט מען זייא גימאכט פאר ליגנער ווערין זייא אנדערש ניט גיהרגת סיידין מען זאל מאכען אלע הונדערט פר ליגנער. לערונט אונז דער פסוק מיט דעם ווארט עדים וויא פיל עדות עס זענען דא זענען זייא גלייך נאר וויא צוויי עדות. רבי עקיבא זאגט צווייא עדות איז דאך אויך גינוג צו וואס איז גיקומען דער דריטער. דער דריטער עדות איז ניט מער גיקומען, נאר מען זאל אויף איהם שווער מאכען. מען זאל מאכען זיין דין גלייך מיט דעם דין פון דיא צווייא עדות. אויב אנדערע צוויי עדות זענען גיקומען אונ האבען גימאכט דיא אלע דרייא עדות פאר ליגנער. ווערט דער דריטער עדות אויך גישטראפט גלייך מיט דיא צווייא. אונ אויב דיא תורה שטראפט דעם מענטש וואס איז בהעפט גיווארן צו דיא מענטשין וואס טוהען עבירות: גלייך וויא די מענטשין וואס טוהען די עבירה. איז שוין געווים אז גאט וועט בצאהלען גוטס דעם מענטש וואס איז בהעפט גיווארן צו די וואס טוהען מצות. גלייך וויא דיא וואס טוהען די מצוה:

ד משנה. סנהדרין. דיא דיינים וואס הרגנן אמענטשין איין מאהל אין זיבען יאהר. ווערט זיא גירופען אפאר דארבערין. זיא הרגת מענטשין. רבי אלעזר בן עזריה זאגט דיא דיינים וואס הרגנן אמענטשין איין מאהל אין זיבעציג יאהר: ווערט זיא גירופען אפאר דארבערין. זיא הרגת מענטשין. רבי טרפון אונ רבי עקיבא זאגן ווען מיר וואלטין גיוועזן צווישען דיא סנהדרין. וואלט מען קיין מאהל ניט גיהרגת קיין מענטש. רבן שמעון בן גמליאל זאגט דאס וואלט נאר ניט גיוועזן קיין טובה. ווארום עס וואלט גיוועזן פיל רוצחים. ווייל זייא וואלטין גיזעהן אז מען הרגת קיינעם ניט. וואלטין זייא ניט מורא גיהאט. אונ וואלטין פאר גאסען פיל בלוט ביי יודין:

אלו הן הגולין פרק שני

(דף ח) **א משנה** הזורק אבן לרשות הרבים והרג הרי זה גולה וכו' זרק את האבן לחצרו והרג אם יש רשות לניזק ליכנס לשם גולה שנאמר (דברים יט) ואשר יבא את רעהו ביער לחטוב עצים מה יער רשות לניזק ולמזיק ליכנס לשם אף כל רשות לניזק ולמזיק להכנס לשם יצא חצר בעל הבית שאין רשות לניזק ליכנס לשם. אבא שאול אומר מה חטבת עצים רשות אף כל רשות יצא האב המכה את בנו והרב הרודה את תלמידו ושליח ב"ד כו':

ב גמ' א"ל ההוא מרבנן לרבא ממאי דמהטבת עצים דרשות דלמא מהטבת עצים דסוכה ומחטבת עצים

[הבלנית לפי שהיה לגם לבקש לו זכות כדי לפוטרו שאין אחר מוצא מי שנתחייב מיתה אחד לשבעים שנים ויתקיימו בו כל הכססי חייבי מיתות וסנהדרין שהרגה אחת בשבוע בידוע שאין בקיאים בדיני נפשות אי נמי לא שמו לבם לחפש אחר זכותו של נדון כראוי לפיכך נקראת חבלנית: לא נהרג אדם מעולם. מתוך שהיינו מרבים לבדוק את העדים בדברים שאין יכולין לעמוד בהם ודייקינן עלה היכי הוו עבדי ופשטינן דאמרינן ראיתם טרפה הרג או שלם הרג כלומר כלום בדקתם אותו לאחר מיתה לראות אם יש בו אחד מסימני טרפה אם לא והם המלא לומר בדקתם אותו ונמצא שלם דלמא במקום סייף נקב היה מתחלה וגם (בבועל את הערוה אמרינן ראיתם שהכנים כמכחול בשפופרת דבר שאין דרך העדים להסתכל בו ואין הדין כן אלא משיראום כדרך המנאפים: אף הם מרבים שופכי דמים. שלא יראו מורא בית דין]:

[כשב המכה את בנו. להטותו לדרך אחרת: ושליח ב"ד. המלקה ארבעים לחייב מלקות:

פרק שני

א משנה. הזורק. אז איינער האט גיווארפען אשטיין אויף דיא מיסט וואס ליגט אין גאס. אונ ער האט גיהרגת אמענטש וואס ער איז גישטאנען אויף דעם מיסט. דארף ער פאר טריבען ווערין. רבי אליעזר בן יעקב זאגט אויב ווען ער האט גיווארפען דעם שטיין איז קיינער ניט גיוועז אויף דעם מיסט. נאר וויא דער שטיין איז ארוים פון זיין האנט האט אמענטש ארוים גישטעקט זיין קאפ אויף דעם מיסט אונ האט צו גענומען דעם שטיין אין קאפ אונ איז גיהרגת גיווארן דארף ער ניט פאר טריבען ווערין. אויב ער האט גיווארפען אשטיין אין זיין הויף אונ האט גיהרגת אמענטש, אויב דער גיהרגעטער האט גימעגט אריין גיין אין דעם הויף. דארף ער פאר טריבען ווערין. אונ אויב ער האט ניט גימעגט אריין גיין. דארף ער ניט פאר טריבען ווערין. ווארום עס שטייט אין פסוק אז איינער וועט קומען מיט זיין חבר אין וואלד צו האקין האלץ. אזוי וויא אוואלד מעג דארטין אריין גיין דער ניזק וואס איז גיהרגת גיווארן, אונ דער מזיק וואס האט גיהרגת. דארף פאר טריבען ווערין דער מזיק וואס האט גיהרגת. אזוי יעדער ארט וואס דארט האט גימעגט אריין גיין דער וואס איז גיהרגת גיווארן אונ דער וואס האט גיהרגת. דארף אויך פאר טריבען ווערין דער וואס האט גיהרגת. אבער אהויף וואס גיהער צו אבעל הבית. אונ דער בעל הבית האט גיווארפען אשטיין אין זיין הויף אונ האט גיהרגת אמענטש. וואס דער גיהרגעטער האט ניט גימעגט אריין גיין אין דעם הויף. דארף ניט דער בעל הבית פאר טריבען ווערין. אבא שאול זאגט אזוי וויא האלץ האקין איז דאך ניט קיין מצוה, נאר אויב דער מענטש וויל האקט ער. אונ אז ער האט גיהאקט האלץ אונ אשטיק האלץ איז אפ גישפרונגען אונ האט גיהרגת אמענטשין. דארף ער פאר טריבען ווערין. אזוי יעדער זאך וואס אמענטש טוהט מיט זיין. אייגענעם ווילען אונ דער פון ווערט גיהרגת אמענטש אומגעקומען. דארף ער פאר טריבען ווערין. אבער אז אפאטער האט גישלאגען זיין זוהן ער זאל גיין אין גוטען וועג. ער זאל וועלין לערנען תורה אדער טאהן אמלאכה. אדער ארבי האט גישלאגען זיין תלמיד ער זאל לערנען תורה. אדער דער שמש פון בית דין האט איינעם גישלאגען מלקות. ביי דיא אלע דריי מענטשין אויב דער זוהן אדער דער תלמיד אדער דער וום מען האט איהם גישלאגען מלקות. זענען גישטארבען פון דעם שלאגען. דארף ניט דער פאטער אדער דער רבי אדער דער שמש פון בית דין פאר טריבען ווערין:

ב גמרא אמר. איינער פון דיא רבנן האט גיזאגט צו רבא פון וואנען ווייסטו אז דיא

עצים דמערכה ואפ"ה אמר רחמנא ליגלי א"ל כיון דאם מצא הטוב לאו מצוה השתא נמי לאו מצוה. איתיביה רבינא לרבא יצא האב המכה את בנו והרב הרודה את תלמידו ושליח ב"ד ואמאי לימא כיון דאילו גמיר לאו מצוה ה"נ לאו מצוה התם אף ע"ג דגמיר מצוה דכתיב (משלי כט) יסר בנך ויניחך ויתן מעדנים לנפשך

השתא נמי. כי לא מצא הטובה אין בהשבה מצוה [אלא עשיית הטובה] : לאו מצוה. להכותו :

(דף ט ע"ב) (בראשית כ) ג ועתה השב אשת האיש כי נביא הוא אשת נביא הוא דבעי אהדורי וכו' :

ד ת"ר שלש ערים הבדיל משה בעבר הירדן וכנגדן הבדיל יהושע בארץ כנען ומכוונות

תורה שמועסט ער איז גיקומען אין וואלד האקן האלץ פון זיינעט וועגן וואס אז ער וויל האקט ער יא אונ אז ער וויל האקט ער ניט. טאמער שמועסט ער איז גיקומען האקן האלץ צוא מאכען אסוכה. אדער ער איז גיקומען האקן האלץ צום מזבח. וואס דאס האקן איז אמצוה. אונ פון דיא האלץ איז אפ גישפרונגען אשטיק האלץ אונ עס האט גיהרגת אמענטשין. פון דעסטוועגין זאגט דיא תורה ער זאל פאר טריבען ווערין. האט רבא גזאגט וויל אז איינער האט ביא זיך האלץ וואס מען האט זייא ניט גיהאקט פון וועגין אסוכה אדער מען האט זייא ניט גיהאקט פון וועגין מזבח. מעג מען אויך פון דיא האלץ מאכען אסוכה אדער פאר ברענגען אויף דעם מזבח. אונ ער דארף ניט גיין האקן האלץ פון וועגין דער סוכה אדער פון וועגין דעם מזבח. איז דאך דאס האקן האלץ צו אסוכה אדער צום מזבח ניט קיין מצוה. דיא מצוה איז נאר דאס מאכען דיא סוכה אדער דאס פאר ברענגען דיא האלץ אויף דעם מזבח. דריבער אפילו ער האט ניט קיין גיהאקטע האלץ: אונ ער האקט האלץ פון וועגין אסוכה אדער פון וועגין דעם מזבח. איז אויך דאס האקן ניט גירעכונט פאר אמצוה. האט רבינא גיפרעגט ביא רבא אין דער משנה שטייט אז אפאטער שלאגט זיין קינד ער זאל גיין אין גוטען וועג. אדער ארבי שלאגט זיין תלמיד ער זאל וועלין לערנען. אדער אשמש פון בית דין שלאגט מלקות. אונ דער קינד אדער דער תלמיד אדער דער וואס מען האט איהם גישלאגן דיא מלקות זענען גישטארבען: ווערט ניט פאר טריבען ניט דער פאטער אונ ניט דער רבי אונ ניט דער שמש. וויל זייא האבען גיטאהן אמצוה מיט דעם שלאגן. פאר וואס איז דער שלאגן אמצוה. מיר דארפן דאך דא אויך אזוי זאגן. וויל אז דער קינד וואלט גיגאנגען אין גוטען וועג אונ דער תלמיד וואלט גילערנט אונ דער מענטש וואלט ניט גיזינדיגט וואלט דאך דעם פאטערס שלאגען אדער דעם רבים שלאגן אדער דעם שמש שלאגן ניט גיוועזן אמצוה. דריבער אפילו דער זהן גייט ניט אין גוטען וועג אונ דער תלמיד לערנט ניט אונ דער מענטש האט יא גיזינדיגט: דארף אויך דאס שלאגן ניט הייסען אמצוה [אזוי וויא מיר זאגען ביי סוכה אונ ביי מזבח]. ענטפערט דיא גמרא דארט איז דם שלאגן אייביג אמצוה. אפילו דער קינד גייט אין גוטען וועג איז אייך אמצוה דער פאטער זאל איהם שלאגן. ער זאל זיך נאך בעסערין. אזוי וויא עס שטייט' אין פסוק שטראף דיין זוהן וועסטו פון איהם רוה האבען אונ ער וועט דיר געבין גוטע שפייזין אונ פערגעניגונגם. אונ אפילו אתלמיד וויל לערנען איז אויך אמצוה דער רבי זאל איהם שלאגן: ער זאל נאך בעסער לערנען. אונ אפילו די שטאט מענטשין גייען אין גוטען וועג איז אויך אמצוה בית דין זאל זייא שטראפן. זייא זאלן נאך מער פרימער זיין אונ זאלין זיין אפ גערהיט פון אעבירה :

ג ועתה השב אשת האיש ואונ ווייטער. דאס שטייט אין מסכת בבא קמא פרק החובל] :

ד תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט דריי שטעט האט משה אפ גישיידט אויף דער ט ירדן. אונ יהושע האט אפ גישיידט אויך דריי שטעט אין דער לאנד כנען ודיא רוצחים זאס

ומכוונות היו כמין שני שורות שבכרם (יהושע כ) חברון ביהודה כנגד (דברים ד) בצר במדבר (יהושע כ) שכם בהר אפרים כנגד (דברים ד) ראמות בגלעד קדש בהר נפתלי כנגד גולן בבשן. (שם יט) ושלשת שיהו משולשות שיהא מדרום לחברון כמחברון לשכם ומחברון לשכם כמשכם לקדש ומשכם לקדש כמקדש לצפון. בעבר הירדן תלת בארץ ישראל תלת אמר אביי בגלעד שכיחי רוצחים (דף י) דכתיב (הושע ו) גלעד קרית פועלי און עקובה מדם וא"ר אלעזר שהיו עוקבין להרוג נפשות. מ"ש מהאי גיסא ומהאי גיסא דמרחקי ומ"ש מציעאי דמקרבי אמר אביי בשכם נמי שכיחי רוצחים שנא' (שם) וכחכי איש גדודים חבר כהנים דרך ירצחו שכמה. כאי חבר כהנים א"ר אלעזר שהיו מתחברים להרוג

ומכוונות היו אלו כנגד אלו כב' שורות כמין ב' שורות שבכרם: ושלשת את גבול ארצך שיהו משולשות. כלומר שיהא נחלקת הארץ חולקות השבה של א"י לארבעה רבעים כמו שמפרש והולך שיהא מדרומה של א"י לחברון כמחברון לשכם וגו': בעבר הירדן תלת וכו'. בתמיה בנחלת שני השבטים שנים כמו בנחלת י' השבטים: בגלעד. שהוא בעבר הירדן שכיחי רוצחים: עוקבים. הורגים: מאי שנא מהאי גיסא ומהאי גיסא דמרחקי. חברון וקדש רחוקים מגבולות הארץ רביעית הארץ וההורג בסוף הגבול צריך לנוס רביע הארץ: ומאי שנא מציעאי דמקרבי. ההורג

וועלין הרגנן מענטשן אומגעריך זאלין אנטלויפען אין איינע פון דיא זעקס שטעט. ווערט מען זיי שוין ניט טארין הרגנן. דיא דריי שטעט פון משה זענען געווען געגין די אנדערע דרייא שטעט פון יהושע. אזוי וויא צוויי שורות ווינשטאקין וואס זענען גיפלאנצט אין אוויין גארטין. די שטאט חברון וואס איז געווען אין יהודה איז גישטאנען געגין דיא שטאט בצר וואס איז געווען אין דער מדבר. דיא שטאט שכם וואס איז געווען אויף דעם בארג אפרים איז גישטאנען געגין די שטאט ראמות וואס איז געווען אין גלעד. דיא שטאט קדש וואס איז געווען אויף דעם בארג נפתלי איז גישטאנען געגין דיא שטאט גולן וואס איז געווען אין בשן. עס שטייט אין פסוק ושלשת. דאס מיינט מען דיא דריי שטעט זאלין שטיין אין גלייכע דריי טייל. אונ זאלין צוא טיילן דיא ב...יט פון ארץ ישראל (פון דרום צו צפון) אין גלייכע פיר טייל. עס זאל זיין פון דרום ביז חברון אזוי ווייט וויא עס איז פון חברון ביז שכם. אונ פון חברון ביז שכם זאל זיין אזוי ווייט וויא עס איז פון שכם ביז קדש. אונ פון שכם ביז קדש זאל זיין אזוי ווייט וויא עס איז פון קדש ביז צפון. פרעגט דיא גמרא אויף דער זייט ירדן וואס דארטין זענען נאר געווען צוויי מיט אהאלבין שבט איז דא דריי שטעט רוצחים זאלן אנטלויפען. אונ אין ארץ ישראל וואס דארטין איז געווען ניין מיט אהאלבין שבט זאל אויך נאר זיין דרייא שטעט פאר רוצחים צום אנטלויפען. האט אביי גזאגט דריי שטעט איז גינוג פאר ניין מיט אהאלבין שבט. נאר ווייל אויף דער זייט ירדן איז געווען אשטאט גלעד וואס דארט זענען געווען פיל רוצחים. דריבער האט מען צו די צוויי מיט אהאלבין שבט אויך גידארפט דריי שטעט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גלעד איז אשטאט וואס די מענטשין אירע טוהען אומברענגט עקובה מדם; זאגט רבי אלעזר דיא מענטשין לאערין אויף בלוט. זייא לאערין צו הרגנן מענטשין אונ פאר גיסען בלוט. פרעגט דיא גמרא פאר וואס פון צפון זייט ארץ ישראל אונ פון דרום זייט ארץ ישראל איז ווייט צום אנטלויפען. אונ דיא מיטעלסטע שטעט זענען נאנט צום אנטלויפען. למשל אז איינער הרגנט אמענטשין ביי דעם גרענעץ פון צפון זייט דארף ער לויפען אפערטיל ארץ ישראל ביז ער ווערט קומען אין קדש. אדער אז איינער הרגנט אמענטשין ביי דעם גרענעץ פון דרום זייט דארף ער אויך לויפען אפערטיל ארץ ישראל ביז ער ווערט קומען אין חברון. אונ אז איינער וואוהנט צווישען חברון אונ שכם האט ער פאר זיך צוויי שטעט צום אנטלויפען אדער אין חברון אדער אין שכם. צו וועלכע עס איז איהם בעסער אדער נענטער לויפט ער. אדער ער וואוהנט צווישען שכם אונ קדש האט ער אויך פאר זיך צוויי שטעט צום אנטלויפען אדער אין שכם אדער אין קדש. צו וועלכע עס איז איהם בעסער אדער נענטער לויפט ער. האט אביי גזאגט אין שכם איז אויך דא פיל רוצחים. דריבער דארפין זייא זיין נענטער צום

להרוג נפשות ככהנים הללו שמתחברים לחלק תרומה בבית הגרנות ותו ליכא והאיכא (במדבר לה) ועליהם תתנו ארבעים ושתים עיר אמר אביי הללו קולטות בין לדעת בין שלא לדעת הללו אין קולטות אלא לדעת. וחברון עיר מקלט הואי והכתיב (שופטים א) ויתנו לכלב את חברון כאשר דבר משה אמר אביי פרוודהא דכתיב (יהושע כא) ואת שדה העיר ואת חצריה נתנו לכלב בן יפנה:

בין חברון לשכם ובין שכם לקדש קרוב לאקלע מכאן ומכאן : בין לדעת ובין שלא לדעת . בין שהרג שם לדעת קליטה ובין שלא הרג שם לדעת קליטה שלא היה יודע שהיה קולטת : פרוודהא . כפרים וחצרים הסמוכים לה ונקראת על שמה נתנו לכלב :

הללו ערי מקלט : טירים קטנים . לפי שאין מזונות מצויין שם : ולא כרכים גדולים . שהכל נקבצים שם תמיד ויצא גואל הדם מצוי שם ויהרוג לו : ואם אין שם מים : כשנפלו בגורל בימי יהושע ללוים הביאו לשם אמת מים אע"כ מן הנהרות רחוקים : במקום שווקים . שימצאו מזונות לקנות:

הערים הללו אין עושין אותן לא טירים קטנים ולא כרכים גדולים אלא עיירות בינוניות ואין מושיבין אותן אלא במקום מים אם אין שם מים מביאין שם מים ואין מושיבין אותן אלא במקום שווקים ואין

אנטלויפען . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וכחכי איש גדודים. [אזוי ווי אמענטש וואס ווארט ביז עס וועט קומען אקאמפאניע] חבר כהנים [אבהעפטונג פון כהנים] דרך ירצחו שכמה [וואס גייען אין דער וועג פון שכם צום הרגנן]. וואס מיינט מען אבהעפטונג פון כהנים. רבי אלעזר זאגט זייא פלעגין זיך בהעפטין אקאמפאניע צום הרגנן מענטשין. אזוי וויא דיא כהנים וואס בהעפטין זיך אקאמפאניע זייא זאלן זיך צו טיילען מיט דיא תרומה וואס מען האט זיי געגעבן אין דיא שייערין. פרעגט דיא גמרא אין ארץ ישראל איז ניט מער געווען שטעט פאר רוצחים צום אנטלויפען נאר דריי. עס איז דאך נאך געוועזן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אויף די דריי שטעט זאלט איר געבין צוויי אונ פערציג שטעט. האט אביי געזאגט די דריי שטעט וחברון שכם קדש] געמען צו דעם רוצח מען זאל אים ניט קענען הרגנן סיי ער איז געקומען אין דיא שטאט ווייל ער האט געוואוסט אז דארט טאר מען איהם ניט הרגנן. אונ סיי ער האט ניט געוואוסט אז דארט טאר מען איהם ניט הרגנן. נאר ער האט מורא געהאט צו זיין אין די שטאט וואו ער האט געהרגת איז ער געקומען אין איינע פון דיא דרייא שטעט. טאר מען איהם ניט הרגנן. אבער ביי די צוויי אונ פערציג שטעט איז אזוי דער דין. אויב דער רוצח איז געקומען אין איינע פון דיא שטעט ווייל ער האט געוואוסט אז דארט טאר מען איהם ניט הרגנן. טאר מען אים ניט הרגנן. אבער אז ער האט ניט געוואוסט אז דארט טאר מען איהם ניט הרגנן. ער איז נאר אהין אנטלאפען ווייל ער האט מורא געהאט צו זיין אין זיין שטאט. מעג מען אים הרגנן. פרעגט דיא גמרא איז דען חברון געווען אשטאט אין איר זאלן אנטלויפן רוצחים. עס שטייט דאך אין פסוק מען האט געגעבין דיא שטאט חברון צו כלב אזוי וויא משה האט איהם צוא געזאגט. האט אביי געזאגט דיא דערפער מיט דיא פעלדער וואס ארום דיא שטאט חברון האט מען געגעבין צו כלב. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא פעלדער וואס געהער צום שטאט אונ די דערפער האט מען געגעבן צו כלב בן יפונה. אבער דיא שטאט חברון אליין האט מען ניט געגעבן צו כלב. נאר זי איז געווען פר רוצחים:

הערים. דיא שטעט וואס זענען געווען רוצחים זאלן אין זייא אנטלויפען [דאס הייסט ערי מקלט] האבען נישט געטארט זיין קליינע שטעט. אונ ניט גאנץ גרויסע שטעט. נאר מיטעלע שטעט [ווארום אין אקליינע שטאט בעקומט מען ניט צו קויפען אלץ וואס מען דארף. אונ אין אגאנץ גרויסע שטאט קומען פיל מענטשין צום האנדיל קען זיין דער פריינד פון דעם מענטש וואס איז געהרגת געווארן וועט אויך אהין קומען וועט ער אויף זוכען דעם רוצח אונ וועט איהם הרגנן אין דער שטיל קיינער זאל ניט וויסען]. אונ דיא שטעט זאלן געבאהט ווערין נאר ביי וואסער. אונ אויב אויף דעם ארט [וואו עס איז געפאלען דער גורל דארט זאל געבאהט ווערין אעיר מקלט] איז געווא קיין וואסער. זאל מען אריין ציהען אהין וואסער פון אנדערע טייכען. אונ

במקום אוכלוסין. שיהיו כפרים וישוב סמוכים להם שלא יבואו גואלי הדם מרובים על העיר בחיל: כלי זין: שלא יקנה גואל הדם שם זיין ויהרוג שאם יביא כלי זיין ממקומו ירגישו בו: וכלי מצודה. אף בהם הורגין חיות: מאי קראה. דמתקנין להו לרוצחים דבר שהוא צריך לו:
לתלמיד שאינו הגון. שלא יבואו עונותיו לידי הריגה בשוגג ויגלה דאמרינן. לקמן שאינו מצוי אצל רבותיו:

ואין מושיבין אותן אלא במקום אוכלוסין נתמעטו אוכלוסיהן מוסיפין עליהן נתמעטו דיוריהן מביאין להם כהנים לוים וישראלים ואין מוכרין בהם לא כלי זיין ולא כלי מצודה דברי ר' נחמיה והחכמים מתירין ושוין שאין פורסין בתוכן מצודות ואין מפשילין בתוכן חבלים כדי שלא תהא רגלי גואלי הדם מצוי שם. אמר ר' יצחק מאי קראה (דברים ד) ונס אל אחת מן הערים האל וחי עביד ליה מידי דתהוי ליה חיותא:

ז תנא תלמיד שגלה מגלין רבו עמו דכתיב (דברים ד) ונס אל אחת מן הערים האל וחי עביד ליה מידי דתיהוי ליה חיותא. א"ר זירא מכאן שלא ישנה אדם לתלמיד שאינו הגון. א"ר יוחנן הרב שגלה מגלין ישיבתו עמו. איני והאמר ר' יוחנן מנין לדברי תורה שהן קולטין דכתיב (שם) את בצר במדבר וכתיב בתריה (שם) וזאת התורה לא קשיא הא בעידנא דעסיק בה הא בעידנא דלא עסיק בה. אי בעית אימא מאי קולטין ממלאך המות כי הא דרב חסדא הוה יתיב ונרס

מען באהט דיא שטאט נאר אויף אזוי אארט וואס דארט וועט זיין מערק וועט מען בעקומען אלץ צו קויפען. אונ מען באהט דיא שטאט נאר אויף אזוי אארט וואו עס איז דא ארום דעם ארט פיל דערפער בעוואוהנטע מיט פיל מענטשין. אויב נאך דעם אויף באהען זענען געווארן ארום דער שטאט וויניגער מענטשין וויא פריער. זאל מען אריין זעצין אנדערע מענטשין אויף דעם ארט. אויב דיא איין וואוהנערס פון שטאט זענען וויניגער געווארן זאל מען ברייננגען כהנים לוים ישראלים אונ זאלין זיך דארט בזעצין. אונ מען טאר ניט פאר קויפען אין דער שטאט קיין כלי וואס איז צום הרגנן מענטשין אונ קיין כלי וואס איז צו הרגנן חיות. אזוי זאגט רבי נחמיה. אונ דיא חכמים זאגין מען מעג יא פאר קויפען אזעלכע כלים. נאר דאס האלטען אלע גלייך (דיא חכמים אונ רבי נחמיה) אז מען טאר ניט פאר שפרייטען (אויף שטעלין) נעץ אין דיא שטאט צוא פאנגען חיות אדער עופות. אונ מען טאר ניט פלעכטין שטריק אין דיא שטאט. ווארום אז אין דיא שטאט וועט נאר זיין עפעס אהאנדיל. האבען מיר מורא טאמער וועלין דיא פריינד פון דעם גיהרגת'ין קומען אין דיא שטאט האנדלען דער וויל וועלין זייא טרעפין דעם רוצח אונ וועל איהם הרגנן. רבי יצחק זאגט דאס ווייסען מיר פון פסוק. ווארום עס שטייט אין פסוק ער זאל אנטלויפען צו אייגע פון די שטעט וועט ער לעבין. דו זאלסט אן ברייטען אין דער שטאט אלע זאכען וואס מען דארף צום לעבין. ער זאל קענען דארטין לעבין:

ז תניא. מיר האבין גילערונט אז אתלמיד איז פאר טריבען גיווארען ווייל ער האט גיהרגת אמענטשין אומגערין. פאר טרייבט מען זיין רבי אויך. ווארום עס שטייט אין פסוק ער זאל אנטלויפין אין איינע פון די שטעט אונ ער זאל לעבין (מיט ביידע מיט דעם גוף אונ מיט דיא נשמה) דוא זאלסט פאר איהם אן ברייטען וואס ער דארף צו לעבין פון גוף (וויא פריער שטייט) אונ צום לעבין פון דיא נשמה. דאס מיינט מען ארבי ער זאל בייא איהם לערנען תורה. רבי זירא זאגט פון דאנען דארף יעהן יעדער חכם ער זאל ניט לערנען מיט אתלמיד וואס איז ניט פרום. ווארום דיא זינד פון תלמיד קענען איהם ברייננגען ער זאל הרגנן אמענטשין אומגערין וועט ער דארפין פאר טריבען ווערין יוועט דער רבי אויך מוזין פאר טריבען ווערין. רבי יוחנן זאגט אז ארבי האט גיהרגת אמענטשין אומגערין אונ ער איז פאר טריבען גיווארען פאר טרייבט מען דיא גאנצע ישיבה מיט איהם. פרעגט דיא גמרא עס איז דאך ניט אזוי ווארום רבי יוחנן האט גיזאגט פון וואנען ווייסען מיר אז די תורה נעמט צו דעם מענטשין אונ פאר היט איהם פון טויט. ווארום עס שטייט אין פסוק את בצר במדבר אונ באלד נאך דעם שטייט וזאת התורה. צו ווייזין אזוי וויא דיא שטאט בצר אין דער מדבר פאר היט דעם רוצח פון טויט אזוי דיא

וגרס בבי רב לא מצי שליחא דמלאכא דמותא,למיקרב ליה משום דלא פסיק פומיה מגירסא סליק ויתיב אארזא דבי רב ופקע ארזא אישתיק ויכיל ליה :

ז **אמר** רבי תנחום בר חנילאי מפני מה זכה ראובן להמנות בהצלה תחלה מפני שהוא פתח בהצלה תחלה שנאמר (בראשית לז) וישמע ראובן ויצילהו מידם . דרש ר' שמלאי מ"ד (דברים ד) אז יבדיל משה שלש ערים בעבר הירדן מזרחה שמש א"ל הקב"ה למשה הזרח השמש לרוצחים איכא דאמרי אמר הקב"ה הזרחת שמש לרוצחים . דרש רבי סימאי מ"ד (קהלת ה) אוהב כסף לא ישבע כסף ומי אוהב בהמון לא תבואה אוהב כסף לא ישבע כסף זה משה שהיה יודע ששלש בעבר הירדן אינן קולטות עד שנבחרו ג' שבארץ כנען אמר מצוה באה לידי אקיימנה ומי אוהב בהמון לו ״) תבואה למי נאה ללמוד בהמון למי שכל תבואה שלו

״) בכתוב לא באלף ועיין אגדות מהרש"א .

לממנות בהצלה תחלה. שפתח בו הכתוב בערי מקלט תחלה : הזרח השמש לרוצחין . להכין להם היותם כגון מילי טובא דאמריך בגמ' לעיל : הזרחת כשמש לרוצחים . בהבדלה זו ויפה עשית : ללמוד בהמון . לדרוש ברבים : שכל תבואה שלו . שבקי במקרא במשנה בהלכות ובאגדות :

תּוֹרָה פַאר הִיט אויךְ דֶעם מֶענְטְשִׁין פוּן טוֹיט . דַארְף מֶען דָאךְ נִישְׁט דֶעם רֶבִּי אוּנ נִישְׁט דֶעם תַּלְמִיד פַאר טְרַיבֶּען אִין .עִיר מִקְלָט . זָאגְט דִיא גְמָרָא .עֶס אִיז נִישְׁט-קֵיין-קַשְׁיָא וֶוען דֶר מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה פַאר הִיט אִיהם דִיא תּוֹרָה אַז דֶער פְרַיינְד פוּן דֶעם גִיהַרְגֶתִין זָאל אִיהם נִיט הַרְגֶנֶן . אָבֶּער וֶוען עֶר לֶערְנְט נִיט תּוֹרָה מֶעג אִיהם דֶעם פְרַיינְד פוּן דֶעם גִיהַרְגֶתִין יָא הַרְגֶנֶן . דְרִיבֶּער מוּז עֶר אַנְטְלוֹיפִין אִין .עִיר מִקְלָט . אוֹיבּ דוּא ווִילְסְט וֶועל אִיךְ דִיר אַזוֹי אַתִּירוּץ זָאגִין . דִי תּוֹרָה פַאר הִיט נָאר דֶעם מֶענְטְשִׁין פוּן מַלְאָךְ הַמָוֶת . דֶער מַלְאָךְ הַמָוֶת טָאר נִיט הַרְגֶנֶן דֶעם מֶענְטְשִׁין וֶוען עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה . אָבֶּער דֶער פְרַיינְד פוּן דֶעם גִיהַרְגֶתִין מֶעג הַרְגֶנֶן דֶעם רוֹצֵחַ . אֲפִילוּ וֶוען עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה . דְרִיבֶּער מוּז עֶר אַנְטְלוֹיפֶען אִין .עִיר מִקְלָט . אַזוֹי ווִיא רַב חִסְדָא אִיז גִיזֶעסִין אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ אוּנ הָאט גִילֶערְנְט הָאט דֶר שָׁלִיחַ פוּן מַלְאָךְ הַמָוֶת נִיט גִיקֶענְט צוּ קוּמֶען צוּ אִיהם וַוייל זַיין מוֹיל הָאט נִיט אוֹיף גִיהֶערְט פוּן צוּ לֶערְנֶען . אִיז דֶער מַלְאָךְ הַמָוֶת אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען אוּנ הָאט זִיךְ גִיזֶעצְט אוֹיף דֶעם בּוֹים וָואס נֶעבִּין בֵּית הַמִדְרָשׁ אִיז דֶער בּוֹים צוּ בְּרָאכִין גִיוָוארִין אִיז רַב חִסְדָא דֶער שְׁרָאקִין גִיוָוארִין אוּנ הָאט אוֹיף גִיהֶערְט צוּ לֶערְנֶען אַיין מִינוּט הָאט דֶער מַלְאָךְ הַמָוֶת אִיהם גִיהַרְגֶת :

ז אָמַר .רַבִּי תַּנְחוּם בַּר חֲנִילָאִי הָאט גִיזָאגְט פַאר וָואס הָאט רְאוּבֵן זוֹכֶה גִיוֶוען מֶען זָאל אִיהם צֵיילֶען דֶער .עֶרְשְׁטֶער בַּייא דִיא שְׁטֶעט וָואס זֶענֶען מַצִיל צוּ זַיין דֶעם רוֹצֵחַ . וַוייל .עֶר אִיז גִיוֶוען דֶער .עֶרְשְׁטֶער וָואס הָאט גִירֶעט צוּ דִיא בְּרִידֶער מֶען זָאל מַצִיל-זַיין יוֹסֵף . אַזוֹי ווִיא .עֶס שְׁטֵייט אִין פָסוּק רְאוּבֵן הָאט גִיהֶערְט הָאט .עֶר גִירֶעטֶעט זַיין בְּרוּדֶער יוֹסֵף פוּן זֵייעֶרֶע הֶענְט . רַבִּי שִׂמְלָאִי הָאט גִידַרְשֶׁת .עֶס שְׁטֵייט אִין פָסוּק דַאמָאלְס הָאט משֶׁה אָפּ גִישֵׁיידְט דְרַייא שְׁטֶעט אוֹיף דֶער זַייט יַרְדֵן ווּא דִיא זוּהן שַׁיינְט אוֹיף . גָאט הָאט גִיזָאגְט צוּ משֶׁה מַאךְ שַׁיינֶען דִיא זוּהן צוּ דִיא רוֹצְחִים . דוּא זָאלְסְט אָן בְּרֵייטֶען דָאס לֶעבִּינְס מִיטֶען פַאר דִיא רוֹצְחִים נַאזוֹי ווִיא .עֶס שְׁטֵייט אִין סִימָן ה ו . אַנְדֶערֶע זָאגִין גָאט הָאט גִיזָאגְט צוּ משֶׁה דוּא הָאסְט גִימַאכְט שַׁיינֶען דִיא זוּהן פַאר דִיא רוֹצְחִים וָואס דוּא הָאסְט אָן גִיבְּרֵייט פוּן זֵייעֶרְט וֶועגִין דִי דְרַיי שְׁטֶעט . רַבִּי סִימָאִי הָאט גִידַרְשֶׁת .עֶס שְׁטֵייט אִין פָסוּק אוֹהֵב כֶּסֶף לֹא יִשְׂבַּע כֶּסֶף וְדֶער וָואס הָאט לִיבּ גֶעלְט וֶוערְט נִיט זַאט מִיט גֶעלְט . וּמִי אוֹהֵב בֶּהָמוֹן לֹא תְבוּאָה . אוּנ וֶוער .עֶס הָאט לִיבּ דִיא בְּרוּטוּנְג פוּן פִיל מֶענְטְשִׁין דֶער הָאט תְבוּאָה . דִיא גְמָרָא דַרְשֶׁת גְלַייךְ ווִיא .עֶס וָואלְט גִישְׁטַאנֶען לוֹ מִיט אַוָוא"ו . לוֹ תְּבוּאָה . צוּ אִיהם אִיז תְּבוּאָה . זָאגְט דִיא גְמָרָא גֶעלְט מֵיינְט מֶען מִצְוֹת . אוּנ אַזוֹי זָאגְט דֶער פָסוּק דֶער וָואס הָאט לִיבּ גֶעלְט וֶער הָאט לִיבּ צוּ טָאהן מִצְוֹת וֶוערְט .עֶר נִיט זַאט מִיט מִצְוֹת דָאס מֵיינְט מֶען משֶׁה רַבֵּינוּ . משֶׁה הָאט גֶעווּאוּסְט אַז דִי דְרַיי שְׁטֶעט פוּן דֶער זַייט יַרְדֵן וֶועלִין נָאךְ נִיט צוּ נֶעמֶען דֶעם רוֹצֵחַ בִּיז מֶען וֶועט אָפּ שֵׁיידֶן נָאךְ דְרַיי שְׁטֶעט אִין דֶעם לַאנְד כְּנַעַן . אוּנ אוֹיף דִיא דְרַיי שְׁטֶעט פוּן כְּנַעַן הָאט מֶען נָאךְ גִיבַּארְפְט וַוארְטִין פֶערְצֶעהְן

שלו והיינו דא"ר אלעזר מ"ד (תהלים קו) מי ימלל גבורות ה' ישמיע כל תהלתו למי נאה למלל גבורות ה' למי שיכול להשמיע כל תהלתו. ורבנן ואי תימא רבה בר מרי אמר מי אוהב בהמון לו תבואה כל האוהב בהמון לו תבואה יהבי ביה רבנן עינייהו ברבה בריה דרבא. רב אשי אמר כל האוהב ללמוד בהמון לו תבואה והיינו דא"ר יוסי בר חנינא מ"ד (ירמיה נ) חרב אל הבדים ונואלו חרב על שונאי ת"ח שיושבים בד בבד ועוסקין בתורה ולא עוד אלא שמטפשין כתיב הכא ונואלו וכתיב התם (במדבר יב) אשר נואלנו ולא עוד אלא שחוטאין שנאמר ואשר חטאנו ואבע"א מהכא (ישעיה יט) נואלו שרי צוען רבינא

ורבנן ואי תימא רבה בר מרי אמר מי אוהב בהמון לו תבואה וגו'. אוהב ת"ח לו תבואה התורה מחזרת עליו ועל זרעו כדאמרינן בעלמא מאן דרחים רבנן הוו ליה בנין רבנן: יהבו רבנן עינייהו ברבה. שהיה אוהב תלמידי חכמים ביותר והיו לו בנים תלמידי חכמים: רב אשי אמר וכו'. בדרב אשי גרסינן ללמוד בדרבינא גרסינן ללמד: ללמוד בהמון. עם חברים רבים: נואלו שרי צוען נשאו וגו'. אלמא הנואל נשא לחטוא:

יָאהר. נָאר וַוייל משֶׁה הָאט לִיבּ גִיהַאט צוּ טָאהן מִצְוֹת; הָאט עֶר גֶזָאגְט דִיא מִצְוָה וָואס אִיז גִיקוּמֶען אִין מַיין הַאנְט וֶועל אִיךְ אִיר מְקַיֵּים זַיין. אוּנ וֶוער שׁוֹין אָפּ שַׁייְדֶען הָדַיי שְׁטֶעט אוֹיף דֶער זַייט יַרְדֵן. אַפִילוּ מֶען דַארְף זֵייא נָאךְ נִיט. אוּנ וֶוער עֶס הָאט לִיבּ דִיא בְּרוּמוּנְג פוּן פִיל מֶענְטְשֶׁען דֶער הָאט תְּבוּאָה. דֶער פָּסוּק מֵיינְט אַזוֹי וֶוער עֶס הָאט לִיבּ צוּא דַרְשֶׁנֶען פַאר פִיל מֶענְטְשֶׁען. פַאר וֶועמֶען אִיז שֵׁיין צוּ דַרְשֶׁענֶען פַאר פִיל מֶענְטְשֶׁען. דֶער וָואס הָט דִי גַאנְצֶע תְּבוּאָה. דָאס מֵיינְט מֶען עֶר קֶען דִיא גַאנְצֶע תּוֹרָה. דָאס אִיז אַזוֹי וִויא רַבִּי אֶלְעָזָר הָאט גֶזָאגְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וֶוער זָאל רֵייְדֶען דִיא שְׁטַארְקַייט פוּן גָאט עֶר זָאל מַאכֶען הֶערִין זַיין גַאנְצֶע לוֹיבּ. דֶער פָּסוּק מֵיינְט אַזוֹי פַאר וֶועמֶען אִיז שֵׁיין עֶר זָאל רֵייְדֶען דִיא שְׁטַארְקַייט פוּן גָאט. דֶער וָואס קֶען מַאכֶען הֶערִין דִיא גַאנְצֶע לוֹיבּ פוּן גָאט. אָבֶער דֶער וָואס קֶען נִיט דֶער צֵיילֶען דִי גַאנְצֶע לוֹיבּ פוּן גָאט (אוּנ עֶס אִיז נִישְׁטָא אֵיין מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס זָאל קֶענֶען דֶער צֵיילֶען דִיא גַאנְצֶע לוֹיבּ פוּן גָאט) זָאל עֶר גָאר נִיט לוֹיבֶּען גָאט נָאר דִיא תְּפִלּוֹת וָואס מִיר הָאבֶּען שׁוֹין פוּן לַאנְג דָאס מֶעג מֶען. אוּנ דִיא רַבָּנָן זָאגִין אַנְדֶערֶע זָאגִין רַבָּה בַּר מָרִי הָאט גִזָאגְט דֶער פָּסוּק וָואס זָאגְט וֶוער עֶס הָאט לִיבּ דָאס בְּרוּמוּנְג פוּן פִיל מֶענְטְשֶׁען צוּ אִיהם אִיז תְּבוּאָה. דָס מֵיינְט מֶען וֶוער עֶס הָאט לִיבּ אַלֶע מֶענְטְשֶׁען וָואס זֶענֶען תַּלְמִידֵי חֲכָמִים. וֶועט עֶר הָאבֶּען תְּבוּאָה. דָאס מֵיינְט מֶען עֶר וֶועט הָאבֶּען קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים. הָאבֶּען דִיא רַבָּנָן גִיגֶעבִּין זֵייעֶרֶע אוֹיגֶען אוֹיף רַבָּה דֶער זוּהן פוּן רָבָא. אַז רַבָּה הָאט לִיבּ אַלֶע רַבָּנָן אוּנ עֶר הָט קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים. רַב אַשִׁי זָאגְט אַזוֹי מֵיינְט דֶער פָּסוּק דֶער וָואס הָאט לִיבּ צוּא לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט פִיל מֶענְטְשֶׁען צוּ זַאמֶען. וֶועט עֶר הָאבֶּען דִי תְּבוּאָה פוּן דֶער תּוֹרָה. עֶר וֶועט קֶענֶען לֶערְנֶען. אוּנ רַב אַשִׁי זָאגְט אַזוֹי וִויא רַבִּי יוֹסִי בַּר חֲנִינָא הָאט גִזָאגְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק חֶרֶב אֶל הַבַּדִּים וְנוֹאָלוּ. אַשְׁוֶוערְד זָאל זַיין אוֹיף דִיא פַיינְד פוּן דִיא תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וָואס זִיצֶען יֶעדֶער בַּזוּנְדֶער אוּנ לֶערְנֶען. אוּנ זֵייא לֶערְנֶען נִיט אַלֶע בֶּעזַאמֶען (אוּנ וַוייל עֶר ווִיל נִיט אַרוֹיס רֵייְדֶען אַקְלָלָה אוֹיף דִיא תַּלְמִידֵי חֲכָמִים. דְרִיבֶּער זָאגְט עֶר דִיא קְלָלָה אוֹיף דִיא פַיינְד פוּן דִיא תַּלְמִידֵי חֲכָמִים). אוּנ נִיט נָאר דִיא קְלָלָה אַלֵיין הָאבֶּען זֵייא. נָאר זֵייא וֶוערִין פַאר נַארֶעשְׁט אוֹיךְ. וָוארוּם דָא שְׁטֵייט וְנוֹאָלוּ. אוּנ דָארְט שְׁטֵייט אַהֲרן הָאט גֶזָאגְט אֲשֶׁר נוֹאַלְנוּ. מִיר הָאבֶּען אַנַארֶעשְׁקַייט גִיטָאהן. זֶעהְן מִיר אַז נוֹאָלוּ אִיז דֶער טַייטְשׁ פַאר נַארֶעשְׁט; אוּנ נָאךְ מֶער הָאבִּין זֵייא. זֵייא זִינְדִיגֶען מִיט דֶעם צוּ גָאט. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַהֲרן הָאט גֶזָאגְט מִיר הָאבֶּען גִיטָאהן אַנַארֶעשְׁקַייט אוּנ מִיר הָאבֶּען גֶעזִינְדִיגְט. אַזוֹ דָא בַּיי דִיא תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וָואס לֶערְנֶען יֶעדֶער בַּזוּנְדֶער וֶועלִין זֵייא וֶוערִין פַאר נַארֶעשְׁט אוּנ זֵייא זִינְדִיגֶען. אַז דוּ ווִילְסְט וֶועל אִיךְ דִיר זָאגֶען פוּן דֶעם פָּסוּק נוֹאֲלוּ שָׂרֵי צוֹעַן נִשְּׁאוּ; דִיא הַארִין פוּן צוֹעַן זֶענֶען נַארֶעשׁ גִיוָואַרֶען אוּנ טְרָאגֶען אוֹיף זִיךְ אַזִינְד. אַזוֹי בַּיי דִיא תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וָואס לֶערְנֶען יֶעדֶער בַּזוּנְדֶער שְׁטֵייט אוֹיךְ נוֹאֲלוּ. מֵיינְט מֶען זֵייא וֶועלִין נַארֶעשׁ וֶוערִין אוּנ וֶועלִין זִינְדִיגֶען. רַבִּינָא זָאגְט דֶער וָואס

רבינא אמר כל האוהב ללמד בהמון לו תבואה והיינו דאמר רבי הרבה תורה למדתי מרבותי ויותר מחברי ומתלמידי יותר מכלם:

ללמד בהמון. תלמידים הרבה: לו תבואה. לפי שעל ידיהם ירבה הפלפול ומתוך לב לתרץ קושיותיהן: בשעריך ירושלים. בשביל שעריך: מאלף עולות וכו'. מקרא כתיב אלף עולות יעלה שלמה וגו':

ח אמר ר' יהושע בן לוי מאי דכתיב (תהלים קכב) עומדות היו רגלינו בשעריך ירושלים מי גרם לרגלינו שהיו עומדין במלחמה שערי' ירושלים שהיו עוסקין בתורה. וא"ר יהושע בן לוי מאי דכתי' (שם) שיר המעלות לדוד שמחתי באומרים לי בית ה' נלך אמר דוד לפני הקב"ה רבש"ע שמעתי בני אדם שאומרים מתי ימות זקן זה ויבנה שלמה בנו בית הבחירה ונעלה לרגל ושמחתי. א"ל הקב"ה (שם פד) כי טוב יום בחצריך מאלף טוב לי יום אחד שאתה עוסק בתורה לפני מאלף עולות שעתיד שלמה בנך להקריב לפני על גבי המזבח:

(דף ס ע"ב) ט משנה ומכוונים להם דרכים מזו לזו שנאמר (דברים יט) הכין לך הדרך ומוסרים לו שני תלמידי חכמים שמא יהרגנו בדרך וידברו אליו. ר' מאיר אומר (אף) הוא מדבר על ידי עצמו שנאמר (שם) וזה דבר הרוצח:

האט ליב צוא לערנען תורה צו פיל תלמידים וועט ער האבען תבואה. דאס מיינט מען ער וועט קענען גוט לערנען. דאס איז וואס רבי האט גזאגט פיל תורה האב איך גילערונט פון מיינע רבים, אונ פון מיינע חברים האב איך גילערונט נאך מער וויא פון מיינע רבים. אונ פון מיינע תלמידים האב איך גילערונט מער וויא פון אלעם ווייל ווען עס איז דא פיל תלמידים. פרעגט מען דעם רבי פיל קשיות. אונ ער מוז ענטפערין פיל תירוצים. דער ווייל ווערט אים גישארפט דער שכל אונ ער ווערט אגרויסער חכם אין דער תורה:

ח אמר. רבי יהושע בן לוי האט גזאגט עס שטייט אין פסוק עומדות היו רגלינו בשעריך ירושלים. וואס האט אונז גיהאלפען אז אונזערע פיס זאלין קענען שטיין אין אמלחמה. דיא טויערין פון ירושלים. וואס מען האט דארטין גילערונט תורה. אין דעם זכות פון די תורה לערנען פלעגין מיר איין נעמען אמלחמה. נאך האט רבי יהושע בן לוי גזאגט עס שטייט אין פסוק שיר המעלות לדוד שמחתי באומרים לי בית ה' נלך. איך פרייא מיך אז מען זאגט צוא מיר אין דיא הייז פון גאט וועלין מיר גיין. אזוי האט גזאגט דוד פאר גאט רבונו של עולם איך האב גיהערט מענטשין זאגין אויף מיר ווען וועט שטארבען דער אלטער וועט זיין זוהן שלמה באהען דעם בית המקדש וועלין מיר אלע יום טוב קומען אין בית המקדש. האב איך מיך גיפרייט מיט זייערע רייד. האט גאט גזאגט צו דוד כי טוב יום בחצריך מאלף. עס איז ביי מיר בעסער דיין איין טאג וואס דוא לערונסט תורה פאר מיר. מער פון דיא טויזענד עולות וואס דיין זוהן שלמה וועט מקריב זיין פאר מיר אויף דעם מזבח. זייא איילין זיך דוא זאלסט שטארבען אונ דער בית המקדש זאל גיבאהט ווערין וועט מען מקריב זיין קרבנות. אונ ביי מיר איז בעסער אז דוא לעבסט נאך אונ לערונסט תורה. אפילו דער בית המקדש איז ניטא אונ מען איז ניט מקריב קרבנות:

ט ומכוונים. אונ מען האט גימאכט גלייכע וועגין פון איין עיר מקלט צום אנדערין. אונ פון יעדער שטאט ביז צו דיא דרייא ערי מקלט האט מען אויך גימאכט גלייכע וועגין: די וועג זאל ניט גיין קרום. אונ עס זאל ניט זיין אשטרויכלונג אויף דעם וועג. ניט קיין בארג. ניט קיין טאהל. אויף יעדער וואסער אבריק. ווארום עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט אנבריייטען די וועג. אונ צוויי לומדים גייען מיט דעם רוצח אין וועג ביז צום עיר מקלט: צו היטען אים טאמער וועט דער פריינד פון דעם גיהרגעטין איהם הרגנן אין וועג. אונ אויב דער פריינד פון דעם גיהרגעטין וועט אים וועלין הרגנן. זאלין די לומדים ריידען צו דעם פריינד אונ זאגען איהם בעטין ער זאל אים ניט הרגנן. רבי מאיר זאגט דער רוצח אליין זאל ריידען פאר זיך. ווארום עס שטייט אין פסוק דס וועגען די רייד פון דעם רוצח:

י (דף יא) **לפיכך** אמותיהן של כהנים היו מספקות להם (מים ומזון) [מחיה וכסות] שלא יתפללו על בניהן שימותו:

יא **גמ' תניא** ר' אליעזר בן יעקב אומר (ע"ב) מקלט היה כתוב על פרשת דרכים כדי שיכיר הרוצח ויפנה לשם. אמר רב (הונא) [כהנא] מאי קראה (דברים יט) תכין לך עשה לך הכנה לדרך. ר' חמא בר חנינא פתח לה פתחא להאי פרשתא מהכא (תהלים כה) טוב וישר ה' על כן יורה חטאים בדרך אם לחטאים מורה קל וחומר לצדיקים. ר"ש בן לקיש פתח לה פתחא להאי פרשתא מהכא (שמות כא) ואשר לא צדה והאלהים אנה לידו (ש"א כד) כאשר יאמר משל הקדמוני מרשעים יצא רשע במה הכתוב מדבר בשני בני אדם שהרגו את הנפש אחד הרג בשוגג ואחד הרג במזיד לזה אין עדים ולזה אין עדים הקב"ה מזמנן לפונדק אחד זה שהרג במזיד יושב

לפיכך אמותיהן. אקרא דיושב שם עד מות הכהן קאי: מקלט כתוב על פרשת דרכים. בכל מקום שהיו שני דרכים מפוצלים אחד פונה לעיר מקלט עץ היה תקוע בראשו הדרך וכתוב עליו מקלט: פתח לה פתחא להאי פרשתא. כשהיה רוצה לדרוש בפרשת רוצחין היה מתחיל כן: והאלהים אנה לידו: זהו שאמר הכתוב כאשר יאמר משל הקדמוני מרשעים יצא רשע משל הקד' וגו' היא התורה שהיא משל של הקב"ה שהוא קדמונו של עולם והיא אמרה מרשעים יצא רשע והיכן אמרה והאלהים אנה לידו והיאך הקב"ה ממציא מכשול לאדם להטות אלא ע"י שהם רשעים ההורג והנהרג ההורג היה חייב גלות ואין עד בדבר והוא לא גלה והנהרג היה חייב מיתה ואין עד בדבר ולא נהרג לפיכך הקב"ה זימנן לפונדק אחד וכו': במה הכתוב

י לְפִיכָךְ. ווייל אַז דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל שְׁטַארְבְּט אָדֶער דֶער גֶעוועזֶענֶער כֹּהֵן גָּדוֹל שְׁטַארְבְּט אָדֶער דֶער כֹּהֵן וָואס אִיז גֶעזַאלְבְּט צוּ גֵיין אִין דֶער מִלְחָמָה שְׁטַארְבְּט. גֵייט דֶער רוֹצֵחַ צוּרִיק אַהֵיים: דְּרִיבֶּער פְלֶעגֶען דִיא מוּטֶערְס פוּן דִיא כֹּהֲנִים וּדִיא מוּטֶער פוּן כֹּהֵן גָּדוֹל: אוּנ דִיא מוּטֶער פוּן דֶעם גִיוֶועזֶענֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל. אוּנ דִיא מוּטֶער פוּן דֶעם כֹּהֵן וָואס אִיז גִיזַאלְבְּט צוּ גֵיין אִין דֶער מִלְחָמָה] גֶעבִּין צוּ דִיא רוֹצְחִים עֶסִין אוּנ קְלֵיידֶער. דִיא רוֹצְחִים זָאלֶען נִיט בֶּעטִין אוֹיף זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זֵייא זָאלִין שְׁטַארְבֶּן:

יא תַּנְיָא. מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן יַעֲקֹב זָאגְט וואוּ עֶס אִיז גִיוֶוען צְוֵוייא וֶועגִין הָאט מֶען גִישְׁטֶעלְט אַסְלוּפּ אוּנ מֶען הָאט אוֹיף גֶעשְׁרִיבֶּען וֶועלְכֶע וֶועג עֶס גֵייט צוּם עִיר מִקְלָט. דֶער רוֹצֵחַ זָאל ווִיסֶען וואוּ עֶר זָאל לוֹפֶען. רַב כַּהֲנָא הָאט גְזָאגְט דָאס ווייסֶען מִיר פוּן דֶעם פָּסוּק דוּא זָאלְסְט אָן בְּרֵייטֶען דִיא וֶועג: דוּא זָאלְסְט מַאכֶען אָאנְבְּרֵייטוּנְג צוּא דֶער וֶועג. מֶען זָאל דֶער קֶענֶען וֶועלְכֶע וֶועג גֵייט צוּם עִיר מִקְלָט. רַבִּי חָמָא בַּר חֲנִינָא אַז עֶר הָאט גִיווָאלְט דַרְשֶׁנֶען דִיא פַּרְשָׁה פוּן רוֹצְחִים: הָאט עֶר פְרִיעֶר אָן גִיהוֹיבֶּען צוּ דַרְשֶׁנֶען דֶעם פָּסוּק. גָאט אִיז גוּט אוּנ טוּהט אַלְץ מִיט גְרַייכְקֵייט דְרִיבֶּער ווַייזְט עֶר דִיא זִינְדִיגֶע דֶעם גוּטֶען וֶועג וָואס הָט גִיהֵייסֶען מֶען זָאל ווַייזֶען דֶעם רוֹצֵחַ דֶעם גְלַייכֶען וֶועג צוּם עִיר מִקְלָט עֶר זָאל קֶענֶען בְּלַייבֶּען לֶעבִּין. מַאדָאךְ צוּ דִיא זִינְדִיגֶע ווַייזְט גָאט דֶעם גוּטֶען וֶועג. צוּ דִיא פְרוּמֶע ווַייזְט גֶעווִיס גָאט דֶעם גוּטֶען וֶועג. רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן לָקִישׁ אַז עֶר הָאט גִיווָאלְט דַרְשֶׁנֶען דִיא פַּרְשָׁה פוּן רוֹצְחִים. הָט עֶר פְרִיעֶר אָן גִיהוֹיבֶּען צוּ דַרְשֶׁנֶען דֶעם פָּסוּק. עֶר הָאט נִיט גִילָאקֶערְט אוֹיף זַיין חָבֵר צוּ הַרְגֶענֶען אִיהם נָאר גָאט הָט אָן גִיבְּרֵייט דֶעם חָבֵר אוּנְטֶער זַיין הַאנְט עֶר זָאל גִיהַרְגֵת וֶוערִין פוּן אִיהם. דָס אִיז וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט כַּאֲשֶׁר יֹאמַר מְשַׁל הַקַּדְמוֹנִי: אַזוֹי ווִיא עֶס זָאגְט דֶער מָשָׁל פוּן דֶעם פְרִיעֶרְדִיגֶען וְדָאס מֵיינְט מֶען דִיא תּוֹרָה וָואס זִיא אִיז דֶער מָשָׁל פוּן גָאט וָואס עֶר אִיז פְרִיעֶר ווִיא דִיא וֶועלְט] וָואס זָאגְט דִיא תּוֹרָה פוּן רְשָׁעִים גֵייט אַרוֹיס שְׁלֶעכְץ. וואוּ הָאט דָאס דִיא תּוֹרָה גְזָאגְט פוּן רְשָׁעִים גֵייט אַרוֹיס שְׁלֶעכְץ. פוּן דֶעם פָּסוּק עֶר הָאט נִיט גִילָאקֶערְט אוֹיף זַיין חָבֵר צוּ הַרְגֶענֶען אִיהם נָאר גָאט הָאט אָן גִיבְּרֵייט דֶעם חָבֵר אוּנְטֶער זַיין הַאנְט עֶר זָאל גִידַהַרְגֵת וֶוערִין פוּן אִיהם. פַאר וָואס הָאט דָאס גָאט גִיטְהאהן עֶר זָאל אָן בְּרֵייטֶען אֵיין מֶענְטְשׁ צוּם אַנְדֶערִין עֶר זָאל אִיהם הַרְגֶענֶען. נָאר דֶער פָּסוּק שְׁמוּעֶסְט פוּן צְווֵיי מֶענְטְשִׁין וָואס זֶענֶען בֵּיידֶע רְשָׁעִים. בֵּיידֶע הָאבֶּען אַמָאהל גִיהַרְגֵת מֶענְטְשִׁין. נָאר אֵיינֶער הָאט גִיהַרְגֵת אוּמְגֶערִין ווָאלְט עֶר גִידַארְפְט פַאר טְרִיבֶּען ווֶערִין אִין עִיר מִקְלָט: עֶס אִיז אָבֶּער נִיט גִיוֶוען קֵיין עֵדוּת

יושב תחת הסולם וזה שהרג בשוגג יורד בסולם ונופל עליו והורגו נמצא זה שהרג במזיד נהרג וזה שהרג בשוגג גולה:

יב אמר רבה בר רב הונא אמר רב הונא ואמרי לה א"ר הונא א"ר אלעזר מן התורה ומן הנביאים ומן הכתובים בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו. מן התורה דכתיב (במדבר כב) לא תלך עמהם וכתיב (שם) קום לך אתם. מן הנביאים דכתיב (ישעיה מח) אנכי ה' אלהיך מלמדך להועיל מדריכך בדרך תלך. מן הכתובים דכתיב (משלי ג) אם ללצים הוא יליץ ולענוים יתן חן:

יג אמר ר' חמא בר חנינא מפני מה נאמרה פרשת רוצחים (דף יא) בלשון עזה דכתיב (יהושע כ) וידבר ה' אל יהושע לאמר וגו' תנו לכם את ערי המקלט אשר דברתי אליכם וגו' מפני שהן של תורה למימרא דכל דבור לשון קשה אין דכתיב (בראשית מב) דבר האיש אדוני הארץ אתנו קשות והתניא (מלאכי ג) נדברו אין נדברו אלא לשון נחת וכה"א

מדבר. והאלהים אנה לידו: ונופל עליו והרגו. ויש עדים וגולה על כרחו:
בלשון עזה. בכל ס' יהושע כתיב ויאמר ה' אל יהושע וכאן נאמר וידבר ה' ודבור לשון עז הוא:
מפני שהן של תורה. אבל שאר אמירות שאמר לא אמר דבר לקיים מצוה הכתובה בתורה מן

אויף דֶער זַאךְ . קֵיינֶער הָאט נִיט גֶעוואוּסְט פוּן דֶעם נָאר גָאט אַלֵיין . דֶּרִיבֶּער אִיז עֶר נִיט פַאר טְרִיבֶּען גִיוָואְרִין . אוּנ דֶער אַנְדֶערֶער הָאט גִיהַרְגֶעט אַמֶענְטְשׁ מוּטְוִוילִיג . הָאט מֶען אִים גִיבַּארְפְט הַרְגֶענֶען . אוּנ עֶס אִיז אוֹיךְ נִיט גִיוֶועזֶען קֵיין עֵדוּת . עֶס הָאט אוֹיךְ קֵיינֶער נִיט גֶעוואוּסְט נָאר גָאט אַלֵיין . הָאט מֶען אִים נִיט גִיהַרְגֶעט . וָואס טוּהט גָאט עֶר בְּרֵיינְגְט צוּ זַאמֶען דִיא בֵּיידֶע מֶענְטְשֶׁין אוֹיף אֵיין אָרְט . דֶער וָואס הָאט גִיהַרְגֶעט מוּטְוִוילִיג זִיצְט אוּנְטֶער דֶעם לֵייטֶער . אוּנ דֶער וָואס הָאט גִיהַרְגֶעט אוּמגֶעוִירִין גֵייט אוֹיף דֶעם לֵייטֶער פוּן בּוֹידִים אַרָאפּ . אוּנ דֶער לֵייטֶער רוּקְט זִיךְ אָפּ פוּן אָרְט אוּנ פַאלְט אַרוֹיף אוֹיף דֶעם וָואס אִיז גִיזֶעסִין אוּנְטֶער דֶעם לֵייטֶער אוּנ עֶר וֶוערְט גִיהַרְגֶעט . אוּנ אִיצְט זֶענֶען שׁוֹין דָא עֵדוּת . דֶער וָואס הָאט פְרִיעֶר גִיהַרְגֶעט אַמֶענְטְשׁ מוּטְוִוילִיג אִיז שׁוֹין אִיצְט גִיהַרְגֶעט גִיוָוארִין ; אוּנ דֶער וָואס הָאט פְרִיעֶר גִיהַרְגֶעט אַמֶענְטְשׁ אוּמגֶעוִירִין הָאט עֶר אִיצְט נָאךְ אַמָאהל גִיהַרְגֶעט אַמֶענְטְשׁ אוּמגֶעוִירִין (דֶעם וָואס אִיז גִיזֶעסִין אוּנְטֶער דֶעם לֵייטֶער) . אוּנ אִיצְט זֶענֶען שׁוֹין דָא עֵדוּת . וֶוערְט עֶר שׁוֹין פַר טְרִיבֶּען אִין דִי שְׁטֶעט פוּן דִי רוֹצְחִים :

יב אָמַר . רַבָּה בַּר רַב הוּנָא הָאט גִיזָאגְט פוּן רַב הוּנָאס וֶועגִין . אַנדֶערֶע זָאגִין רַב הוּנָא הָאט גִיזָאגְט פוּן רַבִּי אֶלְעָזָרס וֶועגִין פוּן דֶער תּוֹרָה אוּנ פוּן דִיא נְבִיאִים אוּנ פוּן כְּתוּבִים וַוייסִין מִיר אִין דֶעם וֶועג וָואס אַמֶענְטְשׁ וִויל גֵיין פִירְט מֶען אִיהם . אִין דֶער תּוֹרָה שְׁטֵייט גָאט הָאט גִיזָאגְט צוּ בִּלְעָם דוּא זָאלְסְט נִיט גֵיין מִיט מוֹאָב . אוּנ אַז בִּלְעָם הָאט יָא גִיוָואלְט גֵיין הָאט גָאט גִיזָאגְט צוּ אִיהם גֵייא מִיט זֵייא . אִין נְבִיאִים שְׁטֵייט גָאט זָאגְט אִיךְ בִּין דַיין גָאט אִיךְ לֶערִין דִיךְ צוּ הֶעלפִין דִיר אִיךְ מַאךְ דִיךְ טְרֶעטִין אִין דֶעם וֶועג וָואס דוּא ווילְסְט גֵיין . אִין כְּתוּבִים שְׁטֵייט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט גִיזָאגְט אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וִויל גֵיין צוּ רְשָׁעִים וָואס לַאכִין פוּן דֶער תּוֹרָה . לָאזְט מֶען אִיהם עֶר זָאל גֵיין מִיט זֵייא אוּנ זָאל אוֹיךְ לַאכִין פוּן דֶער תּוֹרָה . אוּנ אוֹיבּ עֶר וִויל גֵיין מִיט דִי פְרוּמֶע וֶועט אִיהם גָאט גֶעבִּין חֵן דִיא פְרוּמֶע זָאלִין זִיךְ מִיט אִיהם בַּהֶעפְטִין :

יג אָמַר . רַבִּי חָמָא בַּר חֲנִינָא זָאגְט פַאר וָוס אִיז דִי פַּרְשָׁה פוּן רוֹצְחִים גִיזָאגְט גִיוָוארִין צוּ יְהוֹשֻׁעַ מִיט שְׁטַארְקֶע רֵייד . אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל יְהוֹשֻׁעַ . גָאט הָאט גִירֶעט צוּ יְהוֹשֻׁעַ נִיט צוּ אַייךְ דִיא שְׁטֶעט פַאר דִיא רוֹצְחִים וָואס אִיךְ הָאבּ גִירֶעט צוּ אַייךְ . עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא ווייל דִיא מִצְוָה שְׁטֵייט גִיבָּאטִין אִין דֶער תּוֹרָה . פוּן וַואנֶען וַוייסֶען מִיר אַז דֶער וָוארְט דִבּוּר מֵיינְט מֶען שְׁטַארְקֶע רֵייד . וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִבֶּר הָאִישׁ אִתָּנוּ קָשׁוֹת . דֶער מֶענְטְשׁ דֶער הַאר פוּן דֶעם לַאנְד הָאט גִירֶעט מִיט אוּנְז הַארְטֶע רֵייד ; פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא מִיר הָאבִּין דָאךְ גִילֶערְנְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק נִדְבְּרוּ אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ . נִדְבְּרוּ מֵיינְט מֶען זֵייא הָאבֶּען גִירֶעט

וכה"א (תהלים מז) ידבר עמים תחתינו דבר לחוד ידבר לחוד:

יד פיסקא לפיכך אמותיהן של כהנים וכו'. טעמא דלא מצלו הא מצלו מייתי והכתיב (משלי כז) כצפור לנוד כדרור לעוף כן קללת חנם לא תבא אמר (להו) ההוא סבא מפרקיה דרבא שמיע לי מפני שהיה להם לבקש רחמים על דורם ולא בקשו איכא דאמרי כדי שיתפללו על בניהם ולא ימותו טעמא דמצלו הא לא מצלו מייתי מאי הוה ליה למעבד הכא אמרי טוביה חטא וזיגוד מינגד התם אמרו שכם נסיב מבגאי גזר אמר (להו) ההוא סבא מפרקיה דרבא שמיע לי מפני שהיה להם לבקש רחמים על דורם ולא בקשו כי הא דההוא גברא דאכליה אריא ברחוק תלתא פרסי מיניה דרבי יהושע בן

מזו: ידבר עזות. יהא עמים תחתינו: שהיה להם לבקש רחמים על דורם. הלכך לאו קללת חנם היא: הכא אמרי. בבבל אמרו משל זה על האדם שלוקה בשביל סרחון של אחרים: טוביה חטא וזיגוד מינגד. משום ההיא דאמרינן בפסחים טוביה חטא ואתא זיגוד אסהיד ביחודי שלא היה עד שני בדבר ונגדיה רב פפא לזיגוד וא"ל טוביה חטא וזיגוד מינגד ומאז היתה למשל: התם אמרינן. בא"י אמרינן משל זה: שכם נסיב מבגאי גזר. שכם בן חמור לקח את דינה בת יעקב והכאתם שלו ושאר בני העיר שלא נהנו מזו עמו ונענשו. מבגאי שם איש מבני העיר:

אייגער צום אנדערין פאמעלאך מיט גוטע רייד. אונ אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ידבר עמים תחתינו. ער טוהט פירען דיא פעלקער אונטער אונז. ענפערט דיא גמרא דבר איז אנדערש דער טייטש. אונ ידבר איז אנדערש דער טייטש. דבר איז דער טייטש הארטע רייד. אונ ידבר איז דער טייטש פירען פאמעלאך מיט גוטע רייד:

יד פיסקא. לפיכך. דריבער פלעגין דיא מוטערס פון דיא כהנים געבין צו דיא רוצחים קליידונג אונ עסין. דיא רוצחים זאלין ניט בעטין אויף זייערע קינדער זייא זאלין שטארבין אזוי וויא עס שטייט אין סימן יו. פרעגט דיא גמרא דאס איז וייל דיא רוצחים בעטען ניט. אבער אז דיא רוצחים וואלטין בעטין אויף דיא כהנים זייא זאלין שטארבין וואלטין דיא כהנים געשטארבען. עס שטייט דאך אין פסוק אזוי וויא אפויגיל וואס ווערט פאר וואגילט אונ אזוי וויא דער פויגיל דרור פליהט אוועק אזוי וועט אאומזיסטע קללה ניט קומען. אונ דיא קללות וואס דיא רוצחים פלוכין דיא כהנים איז דאך אומזיסטע קללות וועלין זייא דאך ניט מקוים ווערין. וואס האבען דיא מוטערס מורא: האט אאלטער מאן גזאגט דאס האב איך גיהערט פון דיא דרשה פון רבא. דיא קללות זענען ניט קיין אומזיסטע. ווארום דיא כהנים האבען גידארפט בעטין אויף זייער דור עס זאל קיין מענטש ניט גיהרגת ווערין. אונ זייא האבען ניט גיבעטין. איז דאך דורך זייא דער מענטש גיווארין ארוצח אונ זיצט אין דיא ערי מקלט. דריבער אז דער רוצח וואלט אים פלוכין וואלט דיא קללה גיקענט מקוים ווערין: אנדערע זאגן דיא מוטערס פון דיא כהנים האבען גיגעבין צו די רוצחים קליידונג אונ עסין זייא זאלין בעטין אויף זייערע קינדער זייא זאלין ניט שטארבען. פרעגט דיא גמרא אז דיא רוצחים וועלין בעטין וועלין דיא כהנים ניט שטארבען. אבער אז זייא וועלין ניט בעטין וועלין זייא יא שטארבען. פאר וואס זאל דער כהן שטארבען. וואס איז דער כהן שולדיג וואס דער מענטש איז גיהרגת גיווארין. דא אין בבל הט מען גזאגט דעם משל טוביה הט געזינדיגט אונ זיגוד ווערט גישלאגן. אין ארץ ישראל האט מען גזאגט דעם משל שכם האט גענימען דינה אונ האט פון איר הנאה גיהאט. אונ מבגאי זאל זיך מל זיין. דער רוצח האט גיהרגת אמענטשין אונ דער כהן זאל גישטראפט ווערין. האט אאלטער מאן גזאגט דאס האב איך גיהערט פון דיא דרשה פון רבא. דיא שטראף איז ניט קיין אומזיסטע. ווארום דיא כהנים האבען גידארפט בעטין אויף זייער דור עס זאל קיין מענטש ניט גיהרגת ווערין. אונ זייא האבען ניט גיבעטין. איז דאך דער מענטש גיהרגת גיווארין דורך זיי. אזוי וויא עס האט אמאהל גיטראפען אלייב האט אויף גיגעסן אמענטשין. אונ דאס איז גיוועזן דריי מייל ווייט פון רבי יהושע בן לוי. האט אליהו הנביא דריי טעג ניט גישמועסט מיט רבי יהושע בן לוי. ווייל רבי יהושע בן לוי הט גידארפט אלע טאג

בן לוי ולא אשתעי אליהו בהדיה תלתא יומין:

טו אמר רב יהודה אמר רב קללת חכם אפילו בחנם היא באה מנ"ל מאחיתופל כשכרה דוד שיתין קפא תהומא ובעי למשטפיה לעלמא אמר דוד מי איכא דידע אי שרי למיכתב שם ומשדי בתהומא ונייח ליכא דא"ל ולא מידי אמר כל היודע לומר ואינו אומר יחנק בגרונו נשא אחיתופל ק"ו בעצמו ומה לעשות שלום בין איש לאשתו אמרה תורה שמי שנכתב בקדושה ימחה על המים לעשות שלום על כל העולם כלו עאכ"ו. אמר שרי כתב שם ההספא ושדא בתהומא הדר תהומא וקם בדוכתיה. ואפילו הכי כתיב (ש"ב יז) ואחיתופל ראה כי לא נעשתה עצתו וגו' ויחנק. א"ר אבהו קללת חכם אפילו על תנאי היא באה מנ"ל מעלי דקאמר ליה עלי לשמואל (ש"א ג) כה יעשה לך אלהים וכה יוסיף אם תכחד ממני דבר ואע"ג דכתיב (שם) ויגד לו את כל הדברים ולא

כשכרה דוד שיתין. יסודות של בה"מ ובתלמוד ירושלמי מלינו חלמיות של בה"מ והוא יסוד בלשון יוני: קפא תהומא. לף התהום ובתלמוד ירושלמי שמצא בם חרס שהגביה קולו ואמר ליה אל תטלני מכאן שאני כובש על התהום מיום מתן תורה שרעדה כל הארץ ולא שמע דוד לדבריו ונטלו: מי שרי למכתב שם. פן ימחקוהו המים ועובר משום ואבדתם את שמם לא תעשון כן לה' וגו': נשא אחיתופל ק"ו וכו'. יש תימה בדבר שהרי לא קנה דוד הגורן מארונה היבוסי עד מעשה דהסתה שהיתה לאחר מיתת אחיתופל ג' שנים ולפי דברים הללו צריכין אנו לומר שאע"פ שלא קנה הגורן היה יודע מנעוריו מיום שנמשח וישבו הוא ושמואל בניות ברמה ובדקו בספר יהושע ומצאו מקום לבה"מ כדכתיב עד אמצא מקום לה' וגו' דרים ליה בזבחים באיזהו מקומן וחפר היסודות ברבותו: ימחה על המים. דכתיב בסוטה ומחה אל מי המרים והרבה אזכרות בפרשה: ואפילו הכי כו'. וקללה זו בחנם היתה שלא היה מקללו אלא אב אינו אמרו (בחנם היתה שלא הי' לו לקללו אם אינו אומר): אפי' על תנאי. ולא נתקיים התנאי ואעפ"כ היא באה דהא קללה על תנאי היתה אם תכחד ממני ולא נתקיים שהרי לא כחד ואעפ"כ נתקיימה הקללה דכתיב ובניו לא הלכו בדרכיו וגו'

בעטין אז קיין מענטש זאל ניט גיהרגת ווערין:

טו אמר. רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין אז אצדיק פלוכט אמענטשין אפילו דאס איז נאר אומזיסט פון דעסטוועגין ווערט מקוים דיא קללה. דס ווייסען מיר פון אחיתופל. ווען דוד המלך האט גיגראבען דעם פונדאמענט פון בית המקדש. האט זיך דיא וואסער פון אבגרונד אויף גיהויבען אונ עס האט גיוואלט פאר פלייצען דיא וועלט. האט דוד גזאגט טאמער איז דא איינער וואס ווייס אויב מען מעג אויף שרייבען דעם נאמען פון גאט אויף אשארבין אונ אריין ווארפען צום אבגרונד וועט דיא וואסער אראפ צוריק צום אבגרונד. ווארום דוד האט מורא גיהאט טאמער וועט אפ גימעקט ווערין דער נאמען פון גאט אין דיא וואסער) איז ניט גיוועזען ווער עס זאל איהם עפעס זאגין. האט דוד גזאגט ווער עס ווייס אונ וויל ניט זאגין. זאל ער דער שטיקט ווערין אין האלדז. האט אחיתופל גילערענט אקל וחומר. מאדאך צוא מאכען שלום צווישען מאן אונ ווייב האט דיא תורה גזאגט מיין נאמען וואס איז געשריבען גיווארין מיט הייליגקייט זאל אפ גימעקט ווערין אויף דעם וואסער. צו מאכען שלום אויף דיא גאנצע וועלט איז דאך געווים אז מען מעג אפ מעקין דעם נאמען פון גאט. האט אחיתופל גזאגט צוא דוד מען מעג. האט דוד אויף געשריבען דעם נאמען פון גאט אויף אשארבין. אונ האט איהם אריין גיווארפען צום אבגרונד. איז דיא וואסער צוריק אראפ צום אבגרונד אונ עס איז געבליבען אויף זיין ארט. אונ דיא קללה איז דאך גיוועזען אומזיסט: ווארום אפילו אחיתופל וואלט ניט וועלין זאגין קומט איהם אויך ניט צו פלוכין. אונ אז אחיתופל האט גזאגט קומט דאך שוין געווים ניט דיא קללה זאל מקוים ווערין. פון דעסטוועגין איז זי מקוים גיווארין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אחיתופל האט גיזעהן זיין עצה איז ניט גיטאהן גיווארן האט ער זיך דער שטיקט. רבי אבהו זאגט אז אצדיק פלוכט אפילו אויף אתנאי אונ דער תנאי איז ניט מקוים גיווארן פון דעסטוועגין ווערט דיא קללה מקוים. דאס ווייסען מיר פון עלי. ווארום עלי האט גזאגט צו שמואל. אזוי זאל גאט טאהן צוא דיר נאזוי וויא מיינע קינדער זענען ניט פרום (זאלין דיינע קינדער אויך זיין ניט פרום) אונ אזוי זאל ער מערין צו טאהן אויב דו וועסט פון מיר פר לייקענען איין זאך. אונ עס שטייט אין פסוק שמואל הט אלץ גזאגט צו עלי ער הט פון אים גאר ניט גילייקנט. דארף דאך שוין דיא קללה ניט מקוים ווערין. פון דעסטוועגין איז דיא קללה

ולא כהד ממנו ואפילו הכי כתיב (שם ח) ולא הלכו בניו בדרכיו וגו' :

(ע"ב) **טז אמר** רב יהודה אמר רב נידוי אפילו על תנאי צריך הפרה מנא לן מיהודה דכתיב (בראשית מג) אם לא אביאנו אליך והצגתיו לפניך וחטאתי לך כל הימים ואמר רב שמואל בר נחמני א"ר יונתן מאי דכתיב (דברים לג) יחי ראובן ואל ימות ויהי מתיו מספר וזאת ליהודה ויאמר כל אותם ארבעים שנה שהלכו ישראל במדבר וכו' (עי' סוטה פ"ק כל המאמר) :

(דף יב) **יז אמר** רב יהודה אמר רב שני טעיות טעה יואב באותה שעה שנאמר (מ"א ב) וינס יואב אל אהל ה' ויחזק בקרנות המזבח טעה שאין קולט אלא גגו והוא תפש בקרנותיו טעה שאין קולט אלא מזבח בית עולמים והוא תפש במזבח של שילה. אמר אביי בהא נמי טעה שאין קולט אלא כהן ועבודה בידו והוא זר היה. אמר ריש לקיש

וזה קללה קללו עלי דכתיב כה יעשה לך כמו שנעשה לי שאין בני מהוגנין :
[וחטאתי לך . לשון נידוי הוא שיהא מנודה לאביו :
מאי דכתיב יחי ראובן וגו' וזאת ליהודה . מה ראה לסמוך יהודה לראובן ומה ראה להתחיל בברכת יהודה בלשון וזאת ליהודה אלא לפי שהיו עצמות כל השבטים שלהן קיים ושל יהודה מגולגלין אמר לשון זה יחי ראובן כלומר ראובן שלהו קיימת כאילו הוא חי וזאת תהיה ליהודה שהם מגולגלין . עצמות כל השבטים יצאו ממצרים וכשאום בניהם במדבר וז"ש יוסף לאחיו והעליתם את עצמותי מזה אתכם עם עצמותיכם] :
טעה יואב בדרשא דמעם מזבחי תקחנו למות ולא מעל מזבחי ומש"ה דרשו שאינו קולט אלא גגו של מזבח שהוא על מזבח ממש ואינו סבר כי תפש בקרנות המזבח היינו על המזבח : בית עולמים. דכתיב מזבחי המיוחד לי : ה"ג והוא תפש במזבח של במה שעשה דוד לפני הארון שהיה באהל אשר נטה לו דוד בעיר דוד כדכתיב וינס יואב אל אהל ה' ומצינו בדברי הימים שעשה דוד מזבח לפניו ואלו אפשר לומר מזבח של שילה היה שהוא היה בימי דוד ושלמה בגבעון ואנן אמרינן יום שמת בו עלי נאמר בו ויטוש משכן שילה : שרה של אדום . שמאל שיכרת לבצרה שבתחלה יפרע הקב"ה ממנו

מקוים געוואָרען אַזוי וויא עס שטייט אין פָּסוק די קינדער פון שמואל זענען ניט געגאַנגען אין די וועגען פון שמואל :

טז אָמַר . רב יהודה האָט געזאָגט פון רבס וועגען אַז מען איז מחרים אַמענטשין אַפילו אויף אַתנאי אונ דער תנאי איז נישט מקוים געוואָרין . פון דעסטוועגין דאַרף מען מתיר זיין דעם חרם ; אונ צליין וועט דער חרם ניט מותר . דאָס ווייסען מיר פון יהודה . וואָרום עס שטייט אין פסוק יהודה האָט געזאָגט צו יעקב אויב איך וועל ניט ברייננגען בנימין צו דיר אונ איך וועל איהם נישט שטעלין פאַר דיר זאָל איך זיין זינדיג (אין חרם) צו דיר אַלע טעג ; אונ דער תנאי איז נישט מקוים געוואָרין . וואָרום יהודה האָט געבריינגט זיין ברודער בנימין אונ האָט איהם געשטעלט פאַר יעקב . פון דעסטוועגין איז יהודה געבליבען אין חרם . וואָרום רבי שמואל בר נחמני האָט געזאָגט פון רבי יונתנס וועגין עס שטייט אין פסוק ראובן זאָל לעבין אונ זאָל ניט שטאַרבען דיינע מענטשין זאָלין זיין מיט אַצאָל . אונ דם איז צו יהודה אונ ער האָט געזאָגט נאַזוי וויא עס שטייט אין דער מסכת סוטה אין ערשטין פרק :

יז אָמַר . רב יהודה האָט געזאָגט פון רבס וועגין אין צווייא זאַכען האָט יואב אַטעות גיהאַט אין דער צייט ווען מען האָט איהם גיוואָלט הרגנן . וואָרום עס שטייט אין פסוק יואב איז אַנטלאָפען צום גיצעלט פון גאָט וצום משכן . אונ ער האָט אָן גינומען דיא ווינקלען פון מזבח . ער האָט געמיינט אַז פון דאָרטין טאָר מען איהם ניט נעמען צום הרגנן ; איין טעות איז געווען אַז ער וואָלט געשטאַנען אויף דעם מזבח וואָלט מען איהם טאַקי ניט גיטאָרט הרגנן . ער איז אָבער נאָר געשטאַנען נעבין מזבח אונ ער האָט גיהאַלטען דיא ווינקלען פון מזבח . נאָך אַטעות איז געווען אַפילו ער וואָלט געשטאַנען אויף דעם מזבח וואָלט מען איהם אויך גימעגט הרגנן . וואָרום אַז מען שטייט אויף דעם מזבח פון בית המקדש טאָר מען איהם ניט הרגנן . אָבער אַז מען שטייט אויף דעם מזבח פון דעם משכן וואס איז געווען אין שילה מעג מען איהם הרגנן . אביי זאָגט נאָך איין זאַך האָט יואב אַטעות גיהאַט ; אַפילו אַז מען שטייט אויף דעם מזבח פון בית המקדש . דאָס איז נאָר אַז אַכהן שטייט אויף דעם מזבח אונ איז מקריב אַקרבן . איהם טאָר מען ניט הרגנן . אָבער אַז דער וואס שטייט אויף דעם מזבח איז ניט אַכהן מעג מען איהם אַראָפּ נעמען פון מזבח אונ הרגנן . אונ יואב איז דאָך ניט געווען אַכהן . וואס האָט איהם

שלשה טעיות עתיד שרה של אדום לטעות שנאמר (ישעיה סג) מי זה בא מאדום חמוץ בגדים מבצרה טועה שאינה קולטת אלא בצר והוא גולה לבצרה טועה שאינה קולטת אלא אדם והוא מלאך טועה שאינה קולטת אלא שוגג והוא מזיד :

(ע"ב) **יח משנה** כיוצא בו רוצח שגלה לעיר מקלטו ורצו אנשי העיר לכבדו יאמר להם רוצח אני אמרו לו אעפ"כ יקבל מהם שנאמר (דברים יט) וזה דבר הרוצח.

כשיגיע קץ אדום ליהרג כדכתיב יפקוד על צבא המרום במרום ואח"כ ועל מלכי האדמה באדמה : חמוץ בגדים מדמו של המאל ואעפ"פ שאין המלאכים בשר ודם כתב בו הכתוב כעין הריגת אדם לשבר את האוזן מה שהיא יכולה לשמוע : אם אמרו לו אעפ"כ . אנו רוצים לכבדך יקבל מהם : בקרנא דאומנא . מקיז דם בקרן במציצה :

כמה טפשאי שאר אינשי . כמה שוטים הללו רוב

אלו הן הלוקין פרק שלישי

(דף טז ע"ב) **א אמר** ר' אחא המשהה את נקביו עובר משום (ויקרא יא) אל תשקצו את נפשותיכם. א"ר ביבי בר אביי האי מאן דשתה מיא בקרנא דאומנא קא עבר משום אל תשקצו את נפשותיכם :

(דף כב) **ב אמר** רבא כמה טפשאי שאר אינשי דקיימי קמי ספר תורה ולא קיימי מקמי גברא רבא דאילו בספר תורה כתיב ארבעים ואתו רבנן ובצרי

געקענט העלפין דעם מזבח. ריש לקיש זאגט דער שר פון אדום וועט אטעות האבע׳ אין דריי זאכען. ווען עס וועט קומען דער סוף אדום זאל חרוב ווערין. וועט פריער גאט הרגנן דעם שר פון אדום. אונ דער שר פון אדום וועט אנטלויפען אין בצרה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ווער איז דער וואס קומט פון אדום (דאס מיינט מען גאט) וואס זיינע קליידער זענען בעשפריצט מיט בלוט וואס ער האט גיהרגת דעם שר פון אדום אין בצרה. אונ דער שר וועט אטעות האבען איין מאל די שטאט בצר נעמט צו דעם רוצח מען זאל איהם ניט מעגין הרגנן. אונ ער איז גילאפען אין דיא שטאט בצרה. דער אנדערער טעות איז דיא שטאט נעמט נאר צו אמענטשין. אבער ניט אים וואס ער איז אמלאך. דער דריטער טעות איז דיא שטאט נעמט נאר צו דעם רוצח ווס הט גיהרגת אומגעריך. אבער ער הט דאך גיהרגת מוטווילינ:

יח משנה: כיוצא בו. נאך אזוי אגלייכען האבען מיר גילערונט ארוצח וואס איז פאר טריבען גיווארן אין דיא שטאט וואס ער דארף דארט זיין בעהאלטען. אונ דיא מענטשין פון שטאט ווילען איהם געבין כבוד. זאל ער צו זייא זאגן איך בין ארוצח. אונ אויב די מענטשין פון שטאט זאגן צו אים אפילו דוא ביסט ארוצח. פון דעסטוועגין ווילען מיר דיר געבין כבוד. זאל ער אן נעמען פון זיי כבוד. ווארום עס שטייט אין פסוק וזה דבר הרוצח. ער דארף רייען אונ זאגן אז ער איז ארוצח:

פרק שלישי

א אמר. רבי אחא זאגט דער ווס דארף ארויס גיין אונ ער האלט אויף זיין ארויס גאנג: איז ער עובר אויף אלאו איר זאלט ניט פאר מיאוסען אייערע לייבער. ווארום אז מען דארף ארויס גיין אונ מען גייט ניט ארויס ווערט פאר מיאוסת דער גוף. רב ביבי בר אביי זאגט דער וואס טרינקט וואסער אין אבאנקע (וואס מען ציהט מיט איר בלוט פון אמענטשין) איז ער עובר אויף אלאו איר זאלט ניט פאר מיאוסען אייערע לייבער. ווארום די כלי איז אלע מאהל מיאוס פון דעם בלוט:

ב אמר. רבא זאגט ווי נארעש זענען דיא מענטשין וואס זייא שטייען אויף פאר אספר תורה אונ זייא שטייען ניט אויף פאר אלמדן. אונ איר זאלט ניט זאגן אז דער עיקר איז די ספר תורה. ווארום דער למדן זאגט נאר וואס אין דיא ספר תורה שטייט. אונ אז זיי זאגן אמאהל

ובצרי חדא: בני אדם:

ג [פיסקא] רב יהודה אומר מ' שלמות וכו' א"ר יצחק מ"ט דר"י דכתיב (זכריה יג) מה המכות האלה בין ידיך ואמר אשר הכיתי בית מאהבי ורבנן ההוא בתינוקות של בית רבן הוא דכתיב:

ד משנה כיצד מלקין אותו וכו' והקורא קורא (דברים כח) אם לא תשמור לעשות וגו' והפלא ה' את מכותך ואת מכות וגו' וחוזר לתחלת המקרא (שם כט) ושמרתם את דברי הברית הזאת וגו' וחותם (תהלים עח) והוא רחום יכפר עון גו' וחוזר לתחלת המקרא:

(דף כג) ה אמר רב ששת משום ר' אלעזר בן עזריה מנין לרצועה שהיא של עגל שנאמר (דברים כה) ארבעים יכנו לא יוסיף וסמיך ליה לא

אַנַייעֶם דִין הָאבֶּען זֵייא נָאר גִימֶערְט אוֹיף דִיא רֵייד פוּן דֶער סֵפֶר תּוֹרָה. אוּנ סֶערִין אָדֶער שְׁוֶועהֶער מַאכֶען קֶען דָאךְ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ. וָואס אִיז דִיא מַעֲלָה פוּן דֶעם תַּלְמִיד חָכָם. נַיְין מִיר זֶעהֶן אַז דִיא חֲכָמִים מַאכֶען אַמָאהל נָאךְ גְרִינְגֶער פוּן וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין דֶער תּוֹרָה. וָוארוּם אִין דֶער סֵפֶר תּוֹרָה שְׁטֵייט מֶען זָאל שְׁלָאגֶען פֶערְצִיג מַלְקוֹת אוּנ דִיא רַבָּנָן זָאגֶען אֵיינְס וֵוינִיגֶער. נָאר נַיְין אוּנ דְרַייסִיג. וִויא אַזוֹי קֶענֶען דִיא חֲכָמִים זָאגִין אַנְדֶערְשׁ וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין דֶער סֵפֶר תּוֹרָה. גֶעוִויס הָאט גָאט גְזָאגְט אוֹיס וֵוינִיג דֶעם פְּשַׁט צוּ משֶׁה רַבֵּינוּ אוּנ משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גְזָאגְט צוּא יְהוֹשֻׁעַ אוּנ יְהוֹשֻׁעַ הָאט גְזָאגְט וַוייטֶער בִּיז צוּ דֶעם דוֹר. וֶוענֶען דָאךְ דִיא רֵייד פוּן דִיא חֲכָמִים אוֹיךְ אַתּוֹרָה פוּן גָאט דַארְף מֶען דָאךְ פַר זֵיי אוֹיךְ אוֹף שְׁטֵיין:

ג פיסקא. רַבִּי יְהוּדָה זָאגְט מֶען זָאל שְׁלָאגֶען פֶערְצִיג מַלְקוֹת. דְרַייצֶען מַלְקוֹת פוּן פָארוּנְט; דְרַייצֶעהֶן מַלְקוֹת אוֹיף אֵיין אַקְסִיל. אוּנ נָאךְ דְרַייצֶעהֶן מַלְקוֹת אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין אַקְסִיל. אִיז נַיְין אוּנ דְרַייסִיג מַלְקוֹת. דֶעם לֶעצְטִין שְׁמִיץ גִיט מֶען אִים צְוִוישֶׁען דִיא אַקְסְלֶען. הָאט רַבִּי יִצְחָק גְזָאגְט פַאר וָואס זָאגְט רַבִּי יְהוּדָה פֶערְצִיג מַלְקוֹת. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מֶען הָאט גִיפְרֶעגְט בַּיי אֵיינֶעם וָואס זֶענֶען דִיא שְׁלֶעק וָואס דוּא הָאסְט צְוִוישֶׁען דַיינֶע הֶענְט (צְוִוישֶׁען דִיא אַקְסְלֶען). הָאט עֶר גִיעֶנְטְפֶערְט דָאס הָאט מֶען מִיךְ גִישְׁלָאגֶען אִין דִיא שְׁטוּבּ פוּן מַיין גוּטֶען פְרַיינְד (בֵּית דִין הָאבֶּען מִיךְ גִישְׁלָאגֶען מַלְקוֹת פוּן מַיין טוֹבָה וֶועגִין. מִיר זָאל גוֹט זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא) . אָבֶּער אִין דֶעם פָּסוּק שְׁטֵייט אַז מֶען הָאט גִישְׁלָאגֶען צְוִוישֶׁען דִיא. אַקְסְלֶען. דָאס אִיז דָאךְ וִויא רַבִּי יְהוּדָה וָואס עֶר זָאגְט אַז דֶעם פֶערְצִיגְסְטֶען שְׁמִיץ הָאט מֶען גִישְׁלָאגֶען צְוִוישֶׁען דִי אַקְסְלֶען; אוּנ דִיא רַבָּנָן זָאגֶען דֶער פָּסוּק שְׁמוּעֶסְט גָאר נִיט פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס מֶען הָאט אִים גִישְׁלָאגֶען מַלְקוֹת בַּיי בֵּית דִין. דֶער פָּסוּק שְׁמוּעֶסְט פוּן דִיא קִינְדֶער וָואס גֵייעֶן אִין חֵדֶר לֶערְנֶען תּוֹרָה. אוּנ דֶער רֶבִּי הָט אִים גִישְׁלָאגֶען. אוּנ מֶען פְרֶעגְט דֶעם קִינְד וָואס זֶענֶען דִי צֵייכוּנְגְס פוּן דִי שְׁלֶעק וָואס צְוִוישֶׁען דַיינֶע הֶענְט; אוּנ דֶער קִינְד עֶנְטְפֶערְט דָאס הָאט מֶען מִיךְ גִישְׁלָאגֶען אִין דִיא שְׁטוּבּ (אִין חֵדֶר) פוּן מַיין גוּטֶען פְרַיינְד (פוּן מַיין רֶבִּי וָואס עֶר אִיז מַיין גוּטֶער פְרַיינְד) עֶר לֶערְנְט מִיט מִיר תּוֹרָה:

ד משנה. כֵּיצַד וִויא אַזוֹי הָאט מֶען גִישְׁלָאגִין מַלְקוֹת; אֵיין דַיָּין הָאט גִילֵייעֶנְט דִי פְּסוּקִים אִם לֹא תִשְׁמוֹר לַעֲשׂוֹת. וְהִפְלָא יְיָ אֶת מַכּוֹתְךָ וְאֶת מַכּוֹת. אוּנ דֶער אַנְדֶערֶער דַיָּין הָאט גִיצֵייגְט דִיא מַלְקוֹת. אוּנ דֶער דְרִיטֶער דַיָּין הָאט גִידַארְפְט זָאגִין צוּ יֶעדֶער שְׁמִיץ שְׁלָאג; אוּנ אוֹיבּ דֶער עֶרְשְׁטֶער דַיָּין הָאט שׁוֹין אָפּ גִילֵייעֶנְט דִיא פְּסוּקִים אוּנ מֶען דַארְף נָאךְ שְׁלָאגֶען. הֵייבְּט עֶר אָן נָאךְ אַמָאהל צוּ לֵייעֶנֶען פוּן אָנְהֵייבּ פָּסוּק. אוּנ עֶר לֵייעֶנְט דֶעם פָּסוּק וּשְׁמַרְתֶּם אֶת דִּבְרֵי הַבְּרִית הַזֹּאת. אוּנ עֶר לָאזְט אוֹיס מִיט דֶעם פָּסוּק וְהוּא רַחוּם יְכַפֵּר עָוֹן:

ה אָמַר. רַב שֵׁשֶׁת הָאט גִיזָאגְט פוּן רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָהס וֶועגִין פוּן וַואנֶען וֵוייסִין מִיר אַז דֶער פַּאס וָואס מֶען שְׁלָאגְט מִיט אִיהם מַלְקוֹת מוּז זַיין פוּן קָאלְבּ לֶעדֶער וָואס דָאס אִיז וֵוייךְ

(שם) לא תחסום שור בדישו . ואמר רב ששת (א״ר אליעזר) [משום ר׳ אלעזר בן עזריה] מנין ליבמה שנפלה לפני מוכה שחין שאין חוסמין אותה ה״ל לא תחסום שור בדישו וסמיך ליה כי ישבו אחים יחדו וגו׳ . ואמר רב ששת משום ר׳ אלעזר בן עזריה כל המבזה את המועדות כאילו עובד ע״ז שנאמר (שמות לד) אלהי מסכה לא תעשה לך וסמיך ליה את חג המצות תשמור . ואמר רב ששת משום ר״א בן עזריה כל המספר לשון הרע וכל המקבל לשון הרע וכל המעיד עדות שקר ראוי להשליכו לכלבים שנאמר (שם כב) לכלב תשליכון אותו וסמיך ליה לא

שאין חוסמין. אין גוערין בו בלא תאמר אי אפשי כו : את המועדות . חולו של מועד (שלא לעשות מלאכה) : את חג המצות תשמור . מפרש בחגיגה אם בז׳ אפין ושביעי הרי כבר אמור הא לא הזהיר אלא על חוה״מ שאסור בעשיית מלאכה :

עס זאל דעם מענטשין ניט מאכין קיין שאדין ; ווארום עס שטייט אין פסוק מען זאל איהם שלאגין פערציג מלקות נישט מער . באלד נעבין דעם פסוק שטייט מען זאל נישט פאר מאכין דיא מויל פון אאקס ווען ער דרעשט תבואה . ווי קומט דער דין פון אקס צום דין פון מלקות . נאר צו ווייזען מאראך גאט האט רחמנות אויף אבהמה . האט ער דאך אויף אמענטשין געוויס רחמנות . דריבער אפילו דער מענטש האט געזינדיגט אונ מען שלאגט איהם מלקות . פון דעסטוועגין האט גאט אויף איהם רחמנות מען זאל איהם שלאגין מיט אווייכע זאך . נאך האט רב ששת גיזאגט פון רבי אלעזר בן עזריהס וועגין דער דין איז אז עס איז גיוועז צווייא ברידער ראובן אונ שמעון . אונ ראובן איז גישטארבין אן קינדער . דארף שמעון חתונה האבין מיט ראובנס ווייב . אונ זיא טאר ניט נעמען קיין אנדער מאן , וויא איז אבער אז שמעון האט אפארך . פון וואנען ווייסע מיר אז מען טאר זיא ניט נייטין . זיא זאל חתונה האבין מיט שמעון . שטייט אין פסוק זאלסט נישט פאר מאכין דיא מויל פון איין אקס ווען ער דרעשט תבואה ; באלד נעבין דעם פסוק שטייט אז ברידער וועלין זיין בעזאמען אונ איינער וועט שטארבין אן קינדער זאל איינער פון דיא ברידר חתונה האבין מיט דעם גישטארבענעם ברודערס ווייב . וויא קומט דער דין פון אקס צו דעם דין פון דיא ברידער . נאר צו ווייזין אזוי וויא גאט האט רחמנות אויף אבהמה . אזוי זאל מען רחמנות האבין אויף אמענטשין געוויס . אונ אז דיא ווייב קען ניט וואוהנען מיט דעם מאן . זאל מען איהר ניט נייטין . נאך האט גיזאגט רב ששת פון רבי אלעזר בן עזריהס וועגין דער וואס פאר שעמט דעם חול המועד פון פסח אונ פון סוכות ודיא טעג פון חול המועד זענען בייא איהם פראכטע וואכעדיגע טעג . ער גייט אין וואכעדיגע קליידער אונ עסט אזוי וויא אין דער וואכין אונ ארבעט אזוי וויא אין אוואכעדיגען טאג . איז גלייך וויא ער וואלט געדינט עבודה זרה . ווארום עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט פאר דיר ניט מאכין אגיגאסענעם גאט . נעבין דעם פסוק שטייט דוא זאלסט היטען דעם יום טוב פון מצות . וועלכע טעג מיינט דער פסוק . איך זאל זאגין מען מיינט דעם ערשטין טאג אונ דעם לעצטין טאג . עס שטייט דאך שוין אז דיא צווייא טעג טאר מען ניט ארבעטין אונ עס איז יום טוב . נאר געוויס מיינט מען דיא טעג חול המועד . אונ וויא קומט דער פסוק פון עבודה זרה צום פסוק פון חול המועד . צו זאגין אז דער וואס האלט ניט הייליג חול המועד איז אסימן אז ער גלויבט ניט דיא נסים פון גאט אונ ער גלויבט ניט אז גאט האט אונז ארויס גינומען פון מצרים . וועט ער דאך דינען עבודה זרה . נאך האט רב ששת גיזאגט פון רבי אלעזר בן עזריהס וועגין דר וואס דער ציילט לשון הרע ; אונ דער וואס זאגט פאלשע עדות . איז ער ווערט מען זאל איהם ארויס ווארפין פאר די הינט . ווארום עס שטייט אין פסוק צום הונט זאלט איהר איהם ארויס ווארפין . אונ נעבין דעם פסוק שטייט לא תשא שמע שוא (דוא זאלסט ניט טראגין אין דיין מויל פאלשע רייד צו מאכין הערין דיין חבר . אונ צו דעם חבר זאגט מען דוא זאלסט ניט פאר נעמען דיא פאלשע רייד וואס דיין חבר וועט צו דיר ריידין) ; ווארום אויף תשא מאכט דר תרגום תקבל . פאר נעמען . נאך שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט טאהן דיין האנט מיט ארשע צו זיין

לא תשא שמע שוא אל תשת ידך עם רשע להיות עד חמס וקרי ביה לא תשיא:

ו פיסקא. ושתי רצועות עולות ויורדות בה. תנא ושל חמור. כדדרש ההוא גלילאה עליה דרב חסדא (ישעיה א) ידע שור קונהו וחמור אבוס בעליו ישראל לא ידע אמר הקב"ה יבא מי שמכיר אבוס בעליו ויפרע ממי שאינו מכיר אבוס בעליו:

ז משנה כל חייבי כריתות שלקו נפטרו מידי כריתתן שנאמר (דברים כה) ונקלה אחיך לעיניך כיון שלקה הרי הוא אחיך דברי ר' חנניא בן גמליאל. וא"ר חנניא בן גמליאל ומה אם העובר עבירה אחת נפשו ניטלת לו עליו העושה מצוה אחת על אחת כמה וכמה שתנתן לו נפשו. רבי (ישמעאל) [שמעון] אומר מסקומו הוא למד שנאמר (ויקרא יח) ונכרתו הנפשות העושות מקרב עמם ואומר (שם) וחי

פירוש

אל תשת ידך עם רשע להיות עד חמס. היינו מעיד עדות שקר:

עאכ"ו שתנתן לו נפשו. דמדה טובה מרובה ממדת פורענות אחד מחמש מאות דבמדת פורענות כתיב פוקד עון אבות על בנים על שלשים ועל רבעים ובמדה טובה הוא אומר נוצר חסד לאלפים: (בספרי כתוב) שנאמר. אשר כל העריות ונכרתו הנפשות הרי חייב כרת על הנכשל בהם וזהו חיים לנמנע מהם דכתיב קודם עריות ושמרתם את חקותי וגו' אשר יעשה אותם האדם וחי בהם וסמיך ליה איש איש אל כל שאר בשרו דמשמע למי שעושה חקותי אני נותן לו חיים ואלו הן חקותי

אפאלשער עדות מען זאל ביא איינעם גוזנן געלט. וויא קומען דיא צוויא פסוקים אייגער געבין אנדערין. צו זאגין אזוי וויא דיא נבלה זאל מען ארוים ווארפין צום הונט. אזוי זאל מען דיא דרייא פאלשע מענטשין אויך ארוים ווארפען צום הונט ודיא פיר ווערטער "וקרי ביה לא תשיא". דארפין ניט שטיין. ועיין רשב"ם פרק ערבי פסחים]:

ו פיסקא. ושתי. אונ צוויי דינגע פאסען האט מען אריין גיצויגען אין דעם גראבין פאס אונ דורך גיפראכטען. איין עק פאס הט ארוים גישטעקט פון דעם גראבין פאס פון אונטען אונ איין עק פאס האט ארוים גישטעקט פון דעם גראבין פאס פון הויבין. מיר האבען גילערונט דיא צוויי דינגע פאסען זענען גיוועהן פון אאייזיל פעל; אזוי וויא איינער פון גליל האט גידרשת פאר רב חסדא עס שטייט אין פסוק דער אקס דער קענט דעם בעל הבית ווער עס האט איהם גיקויפט. אונ דער אייזיל ווייס אז דאס עסין וואס עס ליגט אין דיא קארעטע האט אריין גילייגט אבעל הבית. אבער יודין ווייסען ניט אז זייער עסין האבען זייא פון גאט. אונ זיי קענען אים ניט. הט גאט גזאגט זאל קומען דער אקס אונ דער אייזיל וום זייא קענען אונ ווייסען זייער בעל הבית אונ זייא זאלן שטראפין דעם מענטשין וואס ער קען ניט אונ ווייס ניט זיין בעל הבית. אונ דריבער זינדיגט ער צו אים. אונ דריבער האט מען אים גישלאגען מיט אפאס פון צוויי ערליי פעל פון אקאלב אונ פון אאייזיל:

ז משנה. כל. דיא אלע מענטשין וואס קומט זייא כרת. אויב מען האט זייא גישלאגין מלקות. אונ זייא האבין גיטאהן תשובה. זענען זייא שוין פטור פון דיא כרת. ווארום עס שטייט אין פסוק דיין ברודער וועט פאר שעמט ווערין פאר דיינע אויגין. ווי ער איז פאר שעמט גיווארין דורך דיא מלקות. וואס מען האט איהם גישלאגין. איז ער שוין וויא דיין ברודער. אזוי איוד וויא דוא ביזט. אזוי זאגט רבי חנניא בן גמליאל. נאך האט רבי חנניא בן גמליאל גיזאגט אזוי וויא מיר זעהן אז איינער טוהט אעבירה שטעלט ער איין זיין לעבין. ווארום מען וועט דאך איהם שלאגין מלקות פאר דיא עבירה. אונ דער דאקטאר וואס וועט איהם שאצין וויא פיל שמיץ ער וועט קענען אוים האלטען טאמער וועט ער אטעות האבין. למשל דער דאקטאר וועט זאגין ער קען אוים האלטין צוואנציג שמיץ. אונ ער וועט נאר קענען אוים האלטען פופצעהן שמיץ. אונ דורך דיא איבעריגע פינף שמיץ וועט ער שטארבין. האט ער דאך פאר לארין זיין לעבין דורך די עבירה. אז איינער טוהט אמצוה איז געווים אז זיין לעבין דארף איהם גישיינקט ווערין. רבי שמעון זאגט פון דעם זעלביגען ארט ווא עס שטייט אז עס קומט כרת אויף עבירה. קענן מיר אפ לערנען אז מען טוהט ניט קיין עבירה איז גליך וויא מען טוהט אמצוה. ווארום עס שטייט אין פסוק עס וועלין פאר שניטען ווערין די נפשות וואס

פ"כ) וחי בהם הא כל היושב ואינו עובר עבירה נותנין לו שכר כעושה מצוה רבי שמעון ברבי אומר (דברים יב) רק חזק לבלתי אכול הדם כי הדם הוא הנפש (ואומר (שם) לא תאכלנו למען ייטב לך ולבניך) ומה אם הדם שנפשו של אדם קצה ממנו הפורש ממנו מקבל שכר גזל ועריות שנפשו של אדם מתאוה להם ומחמדתן הפורש ממנו עאכ"ו שיזכה לו ולדורותיו ולדורות דורותיו עד סוף כל הדורות . ר' חנניא בן עקשיא אומר רצה הקב"ה לזכות את ישראל לפיכך הרבה להם תורה ומצות שנאמר (ישעיה מב) ה' חפץ למען צדקו יגדיל תורה ויאדיר :

איש איש אל כל שאר בשרו הא למדת כל מי שיושב ואינו עובר וכו' : לזכות את ישראל. כדי שיהיו מקבלים שכר למי שמונע מן העבירות לפיכך הרבה להם מצות שלא היה צריך לצוות כמה מצות וכמה אזהרות על שקצים ורמשים ונבלות שאין לך אדם שאינו קץ בהם אלא כדי שיקבלו שכר על שפורשים מהם :

מקרא מגילה. דחייבין על מקרא מגילה : ושאילת שלום בשם. ואין כאן הוצאת השם

ח אמר ר' יהושע בן לוי שלשה דברים עשו בית דין של מטה והסכימו בית דין של מעלה על ידן . אלו הן מקרא מגילה ושאילת שלום בשם והבאת מעשר . מקרא מגילה דכתיב (אסתר ט) קימו וקבלו היהודים קיימו למעלה מה שקבלו למטה. שאילת שלום בשם דכתיב (רות ב) והנה בועז בא

סבית

טוּהֶען דִיא עֲבֵירוֹת. נָאךְ זָאגְט דֶער פָּסוּק דָאס זֶענֶען דִיא מִצְוֹת וָואס אַמֶענְטְשׁ וֶועט זַיי טָאהְן אוּנ וֶועט לֶעבְּין דוּרְךְ זַייא. בַּאלְד דֶער גֶעבִּין שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מֶען זָאל נִיט מְזַנֶה זַיין. צוּ וַוייזְין וֶועלכֶע זֶענֶען דִיא מִצְוֹת וָואס אַמֶענְטְשׁ וֶועט דוּרְךְ זַייא לֶעבִּין. אַז עֶר וֶועט נִיט טָאהְן קֵיין עֲבֵירָה. פוּן דַאנֶען וַויסְין מִיר אוֹיבּ עֶס הָאט גִיטְרָאפֶען אַמֶענְטְשִׁין צוּ טָאהְן אַעֲבֵירָה. אוּנ עֶר אִיז גִיזֶעסִין אוּנ הָאט נִיט גִיטָאהְן דִיא עֲבֵירָה. גִיט מֶען אִיהם שְׂכַר גְלַייךְ וִויא עֶר וָואלְט גִיטָאהְן אַמִצְוָה. רַבִּי שִׁמְעוֹן בְּרַבִּי זָאגְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דוּ זָאלְסְט דִיךְ שְׁטַארְקִין נִיט צוּ עֶסִין בְּלוּט. וָוארוּם בְּלוּט אִיז דָאס לֶעבִּין פוּן דִיא בְּהֵמָה. אוֹיבּ בְּלוּט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ מִיאוּסְט זִיךְ צוּ עֶסִין בְּלוּט. אַז דִיא תּוֹרָה וָואלְט נִיט זָאגִין עֶר זָאל נִיט עֶסִין בְּלוּט. וָואלְט עֶר אוֹיךְ נִיט גִיגֶעסִין. פוּן דֶעסְטְוֶועגִין דֶער וָואס שֵׁיידְט זִיךְ אָפּ פוּן בְּלוּט אוּנ עֶסְט נִיט נֶעמְט עֶר שְׂכַר. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עֶס זָאל גוּט זַיין צוּ דִיר אוּנ צוּ דַיינֶע קִינְדֶער בִּיז אֵייבִּיג. צוּם גִזְלֶען אוּנ מְזַנֶה זַיין וָואס אַמֶענְטְשׁ גְלוּסְט צוּ דֶעם. דֶער וָואס שֵׁיידְט זִיךְ אָפּ פוּן זַייא. עֶר גַזְלֶת נִיט אוּנ עֶר אִיז נִיט מְזַנֶה. וַוייל גָאט הֵייסְט נִיט. אִיז גֶעוִויס אַז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין פַאר זִיךְ אוּנ פַאר זַיינֶע קִינְדֶער אוּנ פַאר זַיינֶע קִינְדֶערְס קִינְדֶער בִּיז אֵייבִּיג. רַבִּי חֲנַנְיָה בֶּן עֲקַשְׁיָא זָאגְט גָאט הָאט גִיוָואלְט דִיא יוּדִין זָאלִין זוֹכֶה זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא. דְרִיבֶּער הָאט עֶר זַייא גִיגֶעבִּין פִיל תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וַוייל גָאט אִיז גוּט דְרִיבֶּער הָט עֶר גִיוָואלְט גֶעבִּין צוּ דִי יוּדִין אַגְרוֹיסֶע תּוֹרָה אוּנ אַשְׁטַארְקֶע מִיט פִיל מִצְוֹת :

ח אָמַר. רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי זָאגְט דְרַיי זַאכֶען הָאבֶּען גִיטָאהְן דֶער בֵּית דִין אוּנטֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּנ דֶער בֵּית דִין פוּן הִימֶעל הָאבֶּען גִזָאגְט אַז זַייא הָאבֶּען גוּט גִיטָאהְן. דָאס זֶענֶען דִיא דְרַיי זַאכֶן. מֶען זָאל לֵייעֶנֶען דִיא מְגִילָה. אוּנ אֵיין מֶענְטְשׁ מֶעג בֶּענְטְשִׁין זַיין חָבֵר מִיט דֶעם נָאמֶען פוּן גָאט. אוּנ דִיא מַעֲשֵׂר זָאל מֶען בְּרֵיינְגֶען אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ. וָוארוּם עֶס אִיז גִיוֶוען לְוִיִם וָואס הָאבֶּען גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה אוּנ פְלֶעגִין גֵיין אִין דִיא שַׁייעֶרִין נֶעמֶען מַעֲשֵׂר. דְרִיבֶּער הָאט מֶען גִימַאכְט מֶען זָאל בְּרֵיינְגֶען דִיא מַעֲשֵׂר אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ. אוּנ אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ הָאט מֶען צוּ טֵיילְט דִיא מַעֲשֵׂר צוּ דִי פְרוּמֶע לְוִיִם. פוּן וַואנֶען וַוייסֶען מִיר אַז דֶעם בֵּית דִין פוּן הִימֶעל אִיז גִיפֶעלִין מֶען זָאל לֵייעֶנֶען דִיא מְגִילָה. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק קִיְמוּ וְקִבְּלוּ הַיְהוּדִים. מֶען אִיז בֶּעשְׁטַאנֶען אִין הִימֶעל אוֹיף דֶער מְגִילָה לֵייעֶנֶען וָואס דִיא יוּדִין הָאבֶּען אוֹיף זִיךְ גֶענוּמֶען אוּנטֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט. פוּן וַואנֶען וַוייסֶען מִיר אַז אַמֶענְטְשׁ מֶעג בֶּענְטְשִׁין זַיין חָבֵר מִיט דֶעם נָאמֶען פוּן גָאט. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק בֹּעַז אִיז גִיקוּמֶען פוּן בֵּית לֶחֶם : אוּנ עֶר הָאט גִזָאגְט צוּ דִיא שְׁנִיטֶער וָוס הָאבֶּען גֶעשְׁנִיטֶען זַיינֶע תְּבוּאָה. גָאט

מבית לחם ויאמר לקוצרים ה' עמכם ואומר (שופטים ו) ה' עמך גבור החיל מאי ואומר וכי תימא בועז הוא דעבד מדעתיה ומן שמיא לא אסכימו על ידיה תא שמע ה' עמך גבור החיל. הבאת מעשר דכתיב (מלאכי ג) הביאו את כל המעשר אל בית האוצר ויהי טרף וגו' (שם) והריקותי לכם ברכה עד בלי די אמר (רב חמא אמר רב) [רמי בר רב] עד שיבלו שפתיכם מלומר די:

ט אמר ר' אלעזר בשלשה מקומות הופיע רוח הקדש בבית דינו של שם ובבית דינו של שמואל ובבית דינו של שלמה. בבית דינו של שם דכתיב (בראשית לח) ויכר יהודה ויאמר צדקה ממני וגו' מנא ידע דילמא כי היכי דאזיל איהו לגבה אזיל נמי איניש אחרינא לגבה יצתה ב"ק ואמרה ממני יצאו כבושים. בבית דינו של שמואל דכתיב (ש"א יב) הנני ענו בי נגד ה' ונגד משיחו וגו' ויאמר אליהם עד

לבשלה: שנאמר ויאמר לקוצרים ה' עמכם. והסכימו ב"ד של מעלה על ידו דקאמר ליה מלאך לגדעון ה' עמך גבור החיל: והבאת מעשר. לבית המקדש כדי שלא יקבלום לוים שאינם הגונים אלא מאת מכרו ולא יחלקום לעובדי ע"ז דכתיב בדברי הימים ובפרוץ הדבר והקנת חזקיה הואי להכין לשכות בבית המקדש להביא את כל המעשרות בהן כדי שלא יקבלום הלוים עובדי ע"ז דכתיב התם ויאמר חזקיהו להכין לשכות בבית ה' והסכים הקב"ה על ידו דכתיב במלאכי: הביאו את כל המעשר אל בית האוצר. כדי שלא יטלום הלוים שאינם הגונים שלא רצו לעלות עם עזרא. ע"כ פי' הרמ"ה ז"ל:

הופיע. נגלה והוכיח בשעה בהולך פרובי"ר בלעז. ל"א הופיע נשמעת בקול גדול: בבית דינו של שם. לא היה שם הי אותה שעה שהרי מת אלא בית דינו שלאחריו הב"יו ותלמידיו וקרי ליה ב"ד של שם כמו בית שמאי בית הלל: ממני יצאו כבושים. דברים נעלמים הללו יצאו מאתי רצה הקב"ה שעתידין לצאת ממנה מלכים ונביאים שנאמר גור אריה יהודה וכן בתמר כדאמרינן בכתובות כל כלה צנועה בבית חמיה וכו' זימן הקב"ה מבין בניהם. ליסנא אחרינא מאתי היתה ביאתו שני בנים הללו לכבוש העולם שהרי עתיד דוד ומבית לאת ממנה: בית דינו של שמואל: נמי לעולם ישראל אמרו עד והאי דכתיב ויאמר בני ישראל מיקרי יחיד:

זאל זיין מיט אייך. נאך שטייט אין פסוק דער מלאך האט גזאגט צו גדעון גאט איז מיט דיר דוא שטארקער העלד. פרעגט דיא גמרא צו וואס ברייננט מען דעם אנדערין פסוק. ווארום טאמער וועסטו זאגין בועז האט טאקי אזוי גיטאהן. ער האט גיבענשט זיינע שניטערס מיט דעם נאמען פון גאט, אבער אין הימעל האט מען ניט מיט געשטימט צו דעם וואס בועז האט גיטאהן. דריבער ברייננט מען דעם אנדערין פסוק אז דער מלאך האט גזאגט צו גדעון גאט איז מיט דיר דוא שטארקער העלד. האט דער מלאך אויך דער מאנט דעם נאמען פון גאט צו בענטשין א מענטש. איז דאך געווים אז מען הייסט אזוי אין הימעל. מען זאל ברייננען דיא מעשר אין בית המקדש. ווארום עס שטייט אין פסוק איר זאלט ברייננען דיא מעשר אין דיא שפייכלערס פון בית המקדש. וועל איך אויף אייך אויס גיסען ברכות ביז בלי די. וואס איז דער טייטש בלי די. רמי בר רב האט גזאגט ביז אייערע לעפצין וועלין מיד ווערין צוא זאגין גענוג:

ט אמר. רבי אלעזר האט גזאגט אין דריי ערטער איז גיוועזן רוח הקודש. ביים דעם בית דין פון שם דער זוהן פון נח. אונ ביי דעם בית דין פון שמואל הנביא. אונ ביי דעם בית דין פון שלמה המלך. וואס איז גיוועזן ביי דעם בית דין פון שם. ווארום עס שטייט אין פסוק יהודה האט דער קענט אונ ער האט גזאגט תמר איז גירעכט זיא איז מעוברת פון מיר. פון וואנען האט ער געוואוסט אז זיא איז מעוברת פון אים, טאמער אזוי וויא זיא האט מזנה גיוועזן מיט יהודה האט זיא מזנה גיוועזן מיט איין אנדערין אונ זיא איז מעוברת גיווארן פון יענעם. איז ארוים גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גזאגט דיא פאר בארגענע זאכען זענען ארוס גיגאנגען פון מיר. איך האב אזוי גיהייסען אז יהודה זאל זיך בהעפטין מיט תמר אונ זיא זאל פון אים מעוברת ווערין. אונ זיא האט ניט מזנה גיוועזן מיט קיין אנדערין. אונ פון דיא קינדער וואס תמר וועט האבען פון יהודה. וועט גיבארען ווערין דוד המלך אונ משיח: צוא וואס איז גיוועזן דער רוח הקודש ביי דעם בית דין פון שמואל הנביא. ווארום עס שטייט אין פסוק שמואל האט גזאגט צו דיא יודין דא בין איך זאגט אויף מיר פאר גאט אונ פאר זיין גיזאלבטין מלך (דאס איז שאול). וואס פאר אונרעכט איך האב אייך גיטאהן. האבען די יודין

עד ה' בכם ועד משיחו היום הזה כי לא מצאתם בידי מאומה ויאמר עד ויאמרו מיבעי ליה יצתה ב"ק ואמרה אני עד בדבר זה . בבית דינו של שלמה דכתיב (מ"א יג) ויען המלך ויאמר תנו לה את הילד החי והמת לא תמיתוהו היא אמו מנא ידע דילמא איערומי קא מערמא יצאת ב"ק ואמרה היא אמו . אמר רבא מכאי דילמא יהודה כיון דחשיב יומי וירחי ואתרמי ליה דחזינן מחזקינן דלא חזינן לא מחזקינן . שמואל נמי דכולהו ישראל קרי להו בלשון יחיד דכתיב (ישעיה מה) ישראל נושע בה' . שלמה נמי הא מרחם קא מרחמנא והא לא קא מרחמנא אלא גמרא :

רמ"ח מלות עשה . דכל אבר ואבר אומר לו עשה מלוה : שס"ה מלות לא תעשה . במזהירים עליו בכל יום ויום שלא לעבור : מפי משה תרי"א.

י **דרש** ר' שמלאי תרי"ג מצות נאמרו לו למשה בסיני שס"ה לאוין כמנין ימות החמה רמ"ח עשה כנגד איבריו של אדם אמר רב המנונא מאי קראה

גיזאָגט צו שמואל דוא האָסט קיין אונרעכט גיטאָהן געגין אינז . האָט שמואל גזאָגט צו דיא יודין גאָט איז אַעדות אויף אייך אונ זיין גיזאַלבטער מלך איז אַעדות היינטיגען טאָג אַז איר האָט בייא מיר ניט געפונען קיין שלעכטע זאַך געגין אייך . האָט ער גזאָגט איך בין אַעדות . האָט דאָך גידאַרפט שטיין זייא האָבען גזאָגט (דיא יודין האָבען גזאָגט) מיר זענען עדות . נאָר עס איז אַרוים גיגאַנגען אַקול פון הימעל אונ האָט גזאָגט איך בין אַעדות אויף דער זאַך אַז שמואל האָט צו דיא יודין ניט גיטאָהן קיין שלעכטס . צו וואס איז גיוועזען דער רוח הקודש בייא דעם בית דין פון שלמה המלך . וואָרום עס שטייט אין פסוק דער מלך האָט גזאָגט גיט איר דאס לעבעדיגע קינד אונ איר זאָלט איהם ניט הרגנען זיא איז זיין מוטער . איז דאָך אַקשיא פון וואַנען האָט שלמה געוואוסט אַז דאס איז זיין מוטער . טאָמער האָט די אשה מיט פלייס גיבעטען מען זאל דאס קינד ניט צו שניידען מען זאָל מיינען אַז זיא איז זיין מוטער . דריבער איז אַרויס גיגאַנגען אַקול פון הימעל אונ האָט גזאָגט דאס איז זיין מוטער . האָט רבא גזאָגט פון וואַנען ווייסען מיר אַז דער רוח הקודש איז גיוועזען אין דיא דרייא ערטער . טאָמער ווייל יהודה האָט בירעכונט דיא טעג אונ דיא חדשים ווען ער האָט בועל גיוועזען תמרן . האָט ער גיזעהן נאָך דעם רעכענונג אַז זיא איז מעוברת פון איהם . אונ ווייל ער האָט גיזעהן דעם רעכענונג האָט ער איהר גיגלויבט אָבער אַז ער וואָלט ניט גיזעהן דעם רעכענונג וואָלט ער איר ניט גיגלויבט . אונ וואס עס שטייט בייא שמואל הנביא ער האָט גזאָגט איך בין אַעדות דאס איז ניט גיוועזען דער רוח הקודש . נאָר דיא יודין האָבען גזאָגט מיר זענען עדות . נאָר דער פסוק רופט אַלע יודין צו זאַמען ווייא איין מענטש . אַזוי ווייא עס שטייט אין פסוק ישראל נושע בה' . ישראל ווערט גיהאָלפען דורך גאָט (שטייט ניט זייא ווערין גיהאָלפען : נאָר ער ווערט גיהאָלפען) . אונ וואס עס שטייט בייא שלמה זיא איז זיין מוטער . דאס האָט שלמה אַליין גזאָגט (ניט פון הימעל) . ווייל שלמה האָט גיזעהן אַז דיא אשה האָט רחמנות אויף דעם קינד . אונ די אַנדערע אשה האָט ניט רחמנות אויף דעם קינד . נאָר זיא הייסט איהם צו שניידען דריבער האָט שלמה גזאָגט די אשה וואס האָט אויף איהם רחמנות דאס איז זיין מוטער . נאָר פון דיא פסוקים קען מען מאכי ניט וויסען ווער דאס האָט גיזאָגט . נאָר רבי אלעזר האָט אַזוי גיהערט פון זיין רבי אַז צדקה ממני בייא יהודה . אונ ויאמר עד בייא שמואל . אונ היא אמו בייא שלמה . דס האָט גזאָגט אַקול פון הימעל :

• דרש . רבי שמלאי האָט גידרשת זעקס הונדערט מיט דרייצעהן מצות איז גיזאָגט גיוואָרין צו משה אויף דעם באַרג סיני . דרייא הונדערט פינף אונ זעכציג לאוין . געגין די דרייא הונדערט פינף אונ זעכציג טעג וואס איז דא אין יאָהר . אונ צווייא הונדערט אַכט אונ פערציג מצות עשה . געגין דיא צווייא הונדערט אַכט אונ פערציג גלידער וואס איז דא אין מענטשין . רב המנונא זאגט דאס ווייסין מיר פון דעם פסוק תורה צוה לנו משה . משה האָט אונז גיבאָטין

קראה (דברים לג) תורה צוה לנו משה תור"ה בגימטריא (דף כד) שית מאה וחד סרי הוין אנכי ולא יהיה לך מפי הגבורה שמענום. בא דוד והעמידן על י"א דכתיב (תהלים טו) מזמור לדוד ה' מי יגור באהלך מי ישכון בהר קדשך הולך תמים ופועל צדק ודובר אמת בלבבו וגו' הולך תמים זה אברהם דכתיב ביה (בראשית יז) התהלך לפני והיה תמים. ופועל צדק כגון אבא חלקיה. ודובר אמת בלבבו כגון רב ספרא.
לא

היינו דכתיב תורה צוה לנו משה: שתים מפי הגבורה. הרי תרי"ג מצות: מפי הגבורה שמענום. שנא' אחת דבר אלהים שתים זו שמעתי במכילתא: והעמידן על י"א. שבתחלה היו צדיקים והיו יכולין לקבל עול מצות הרבה אבל דורות האחרונים לא היו צדיקים כ"כ ואם באו לשמור כולם אין לך אדם שיזכה ובא דוד והעמידן וכו' כדי שיזכו אם יקיימו י"א מצות הללו וכן כל שמה הדורות שלמטה הולכין ומתמעטין: דרב ספרא. בשאלתות דרב אחאי. ובפי' הרמ"ה כתוב וז"ל מעשה דאבא חלקיה מפורש בתענית דהוה אגיר יומא ויהבו ליה רבנן שלמא ולא אהדר להו אפיה כי היכי דלא ליפגר וכי אתא יהב גלימיה אחד כתפיה ואידך אחדך כתפיה משום דהוה שאולה ולבשי שאולה ולבשי לא שאולה ליה: מעשה דרב ספרא הכי קבלנוה דרב ספרא הוה ליה עסקא לזבוני אתו למזבניה מיניה תבע י' דינרים בגויה לא הוו קא יהבו ליה אלא ה' דינרים לא יהביה ניהלייהו נמלך אתו לוקחים למזבני בי' דינרין אשכחוהו דהוה קרי קרית שמע כיון דחזינהו סבר דלמיתבי ה' קא אתו וגמר בלביה למיתביה ניהלייהו לבתר דסיים אמרו ליה לשקול מר י' אמר להו גמרי לי בדעתאי למיתבי ניהלייהו בחמשה ומו לא שקילנא מינייהו טפי

מצות וויא פיל דער ווארט תורה בטרעפט. דער ווארט תורה בטרעפט זעקס הונדערט מיט עלף. דאס האבין מיר גיהערט פון משה. אונ נאך צווייא מצות אנכי יי אלהיך. אונ לא יהיה לך אלהים אחרים. האבין מיר גיהערט פון גאט אליין. איז זעקס הונדערט מיט דרייצעהן. דר נאך איז גיקומען דוד המלך אונ האט גימאכט פון דיא זעקס הונדערט מיט דרייצעהן מצות נאר עלף. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מזמור לדוד. גאט ווער קען וואוהנען אין דיין גיצעהלט. ווער קען רוהען אויף דיין היילגען בארג. דער וואס גייט מיט גאנצען הארצין. אונ טוהט גירעכטיגקייט. אונ רעט אמת אזוי וויא ער טראכט אין הארצין. ער גיוויינט ניט זיין צונג צו זאגין רכילות. ער טוהט ניט זיין גוטען פריינד קיין בייז. ער האט ניט גיטראגען קיין שאנד אויף זיין פאמיליע. ער האט ניט גיטאהן אזעלכע זאכין וואס זיין פאמיליע זאל דורך איהם פאר שעמט ווערין. דער וואס איז פארשעמט דורך זיינע עבירות. איז ער אין זיינע אויגין אויך פאר מיאוסט. אונ ער גיט כבוד צו דיא פרומע מענטשין. אפילו ער שווערט זיך אליין שלעכץ צו טאהן איז ער אויך מקיים זיין שבועה. זיין געלט האט ער ניט פאר בארגט אויף פראצענט. אונ ער האט ניט גינומען קיין געלט צו פסקנן פאלשע דינים אונ צו בשולדיגען דעם גירעכטין. דא איז גירעכונט עלף זאכין. דער וואס גייט מיט גאנצקייט. דאס מיינט מען אברהם אבינו. וואס גאט האט צו איהם גיזאגט גייא פאר מיר אונ זייא גאנץ. דער וואס טוהט גירעכטיגקייט אזוי וויא אבא חלקיה האט גיטאהן ווער איז אמאהל גיוועזען פאר דונגען אויף אטאג צו ארבעטין בייא אבעל הבית. ווען דיא רבנן פאר בייא גיגאנגען געבין איהם. אונ זייא האבין גיזאגט צוא איהם גוט מארגין. אונ ער האט ניט גיענטפערט אונ ניט געקוקט אויף זייא. ער זאל זיך ניט שטערין פון דיא ארבעט איין מינוט. פארין נאכט ווען ער איז גיגאנגען אהיים האט ער אויס גיטאהן זיין קאפאטע אונ האט זיא גילייגט אויף זיין אקסיל. אונ אויף דעם אנדערין אקסיל האט ער גיטראגין אבינטול האלץ. ווייל דיא קאפאטע איז גיוועזען אגיבארגטע. דריבער האט ער ניט גיוואלט טראגין אויף איהר האלץ. נאר ער האט זיא אויס גיטאהן. ער רעט אמת אזוי וויא ער טראכט אין הארצין אזוי וויא רב ספרא האט גיטאהן ווב ספרא האט גיהאט סחורה צו פאר קויפין. איז איינער גיקומען קויפין בייא איהם דיא סחורה. האט רב ספרא גיוואלט פאר די סחורה צעהן גילדין. מען האט איהם אבער ניט גיוואלט געבין קיין צעהן גילדין. נאר פינף גילדין. האט ער ניט פאר קויפט. אויף מארגין איז דער מענטש גיקומען צוא רב ספרא נעמן די סחורה אונ זאל געבין דיא צעהן גילדין. ווען דער מענטש איז געקומען האט רב ספרא גילייענט קריאת שמע. אונ ווייל רב כפרא האט ניט גיוואוסט וויא פיל דער מענטש וויל איצט געבין. האט ער גימיינט אז דער מענטש וויל איצט אויך ניט מער געבין נאר פינף גילדען. האט רב כפרא גיטראכט אין הארצען ער זאל פאר קויפען פאר דיא פינף גילדען. דער נאך וויא רב ספרא האט אפ

לא רגל על לשונו זה יעקב אבינו דכתיב (שם כז) אולי ימושני אבי. לא עשה לרעהו רעה שלא ירד לאומנות חברו. וחרפה לא נשא על קרובו זה המקרב את קרוביו. נבזה בעיניו נמאס זה חזקיה מלך יהודה שגירר עצמות אביו על מטה של חבלים. ואת יראי ה' יכבד זה יהושפט מלך יהודה שבשעה שראה ת"ח היה עומד מכסאו ומחבקו ומנשקו וקורא לו אבי אבי רבי רבי מרי מרי. נשבע להרע ולא ימיר כר' יוחנן דאמר ר' יוחנן אהא בתענית עד שאבא לביתי. כספו לא נתן בנשך אפילו רבית נכרי. ושחד על נקי לא לקח כגון ר' ישמעאל ברבי יוסי. וכתיב עושה אלה

ספי: מעשה דרבי יוחנן דאמר אהא בתענית עד שאבא לביתי לאשתמוטי מבי נשיאה הוה עביד: כרבי ישמעאל ברבי יוסי קרי שוחד גרידא לפי שהביא לו אריסו משלו דליכא גזל: ודרבי ישמעאל בן אלישע קרי בצלע מעשקות לפי שהיה משל אחרים ודומה כאילו עושקו ע"כ. עוד כתב הרמ"ה ז"ל בתחלת זה המאמר וז"ל האי דנקט כמנין ימות החמה וכנגד אבריו של אדם כיונה בעצמה: מפי הגבורה שמענום אנכי מצוה עשה לקבלו עלינו לאלוה ולא יהיה לך מצות לא תעשה ואע"ג דכתיב וידבר אלהים את כל הדברים האלה וכתיב במשנה תורה את הדברים האלה דבר ה' אל כל קהלכם שמעו קולא בלחוד אבל התוך אותיות לא שמעו אלא באנכי ולא יהיה וכך מפורש במשנה תורה אנכי עומד בין ה' וביניכם להגיד לכם את דבר ה' וגו': בא דוד והעמידן ויסעיה כו'. לאו למימרא דאי עביד הכי בלחוד זכי לחיי העוה"ב דא"כ בטל עונשן של עבירות ושכרן של מצות אלא משום דקיימא לן דמאן דמקיים לה לתורה כולה מסייע ליה הקב"ה ומגין עליה דלא ליתי לידי הרהורא ואזיל להוות עלמא בלא חטא אבל מאן דלא מקיים לה לכולה תורה אע"ג דאית ליה רובא זכיות לא מסתייע מן שמיא לאגוני עליה מיצר הרע כדאמרינן בפרק שלוח הקן וכיון דחזי דוד דהוו ממעטי דרא ואזלי בעא רחמי ואוקמינהו למצות למיגנא מיצר הרע אחד סרי ואתא ישעיה ואוקמינהו אשית והכי מסתברא הולך תמים זה אברהם שהיה מאמין במקום ומבטל דעתו והכמתו אצל המקום כדכתיב ויוצא אותו החוצה אמר ליה לא מאצטגנינות שלך וכתיב והאמין בה'. אי נמי דאמר ליה הקב"ה קום התהלך בארץ וגו' וכשמתה שרה לא מצא מקום לקוברה ולא הרהר אחר מדותיו של מקום והכי מפרש בפרק השותפין גבי דרשה דמשוט בארץ אמר לפניו רבש"ע שוטטתי בכל העולם ולא מצאתי תם כעבדך אברהם עד כאן לשון הרמ"ה ז"ל נחזור לפי' רש"י: לא רגל על לשונו. לא רגלה לשקר מתחלה שאמר אולי ימושני אבי אלא שאמו הכריחתו וע"פ הדבור דכתיב עלי קללתך בני ומתרגמין עלי איתאמר בנבואה דלא ייתון לוטיא עלך ברי: וחרפה לא נשא על קרובו. לא קבל חרפה קרובו: נבזה בעיניו נמאס. כנמאס להקב"ה נבזה הוא בעיניו של אדם זה חזקיה שנבזה היה בעיניו אביו כנמאס בע"ז: שגררו במטה של חבלים. גמרא היא ולא קרא: ואפילו נכרי. כדי שלא ימשך ויבא להלוות לישראל ברבית: ושחד על נקי לא לקח. ואפי' שחד שהיה ראוי ליקח: כגון ר"י ברבי יוסי. שהיה אריסו

גידאוועט זאגט דער מענטש צו איהם נאדיר צעהן גילדען אונ גיב מיר דיא סחורה. האט רב ספרא גיזאגט וויל ביי מיר אין הארצען איז שוין געבליבען איך זאל פאר קויפען פאר פינף גילדען וויל איך שוין נישט נעמען מער. ער האט ניט געוויינט דעם צונג צו זאגען רכילות דס איז גיוועזן יעקב אבינו. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק יעקב האט גיזאגט צו זיין מוטער רבקה: טאמער וועט מיך מיין פאטער אן טאפען וועט ער וויסען אז איך בין ניט עשו. אונ יעקב האט ניט גיוואלט זאגען צום פאטער אז עשו איז ארשע אונ ער איז ניט ווערט מען זאל אים בענטשין. וייל ער האט ניט גיוואלט ריידען לשון הרע. ער האט ניט גיטאהן זיין חבר קיין שלעכטץ. דאס מיינט מען ער האט ניט אוועק גינומען זיין חברס פרנסה: אונ ער האט ניט פאר שעמט זיין משפחה. נאר ער האט זייא נאך דער נענטערט צו זיך. ער האט זייא גיהאלפען מיט וואס ער האט נאר ויקענט. דער וואס איז פאר שעמט ביי גאט איז ער אין זיינע אויגין אויך גיוועזן פאר מיאוסת. דאס איז גיוועזן חזקיה דער מלך פון יהודה: ער האט גישלעפט דיא ביינער פון זיין פאטער אויף אבעט פון שטריק גיפלאכטען. ווייל דער פאטער איז גיוועזן ארשע. ער גיט כבוד צו דיא פרומע מענטשין דאס מיינט מען יהושפט דער מלך פון יהודה. אז יהושפט האט גיזעהן אתלמיד חכם איז ער אויף גישטאנען פון זיין שטוהל אונ האט ארום גענומען דעם תלמיד חכם אונ האט איהם גיקושט. אונ האט איהם גערופען מיין פאטער מיין רבי מיין האר. אז ער האט גישווארין אפילו זיך שלעכטין צו טאהן האט ער זיין שבועה מקיים גיוועזן. אזוי וויא רבי יוחנן האט גיזאגט איך וועל פאסטין ביז איך וועל קומען אהיים. האט ער זיין שבועה מקיים גיוועזן. זיין געלט האט ער ניט פאר בארגט אויף פראצענט אפילו ביי אגוי האט ער אויך ניט גינומען פראצענט. אונ ער האט ניט גינומען קיין געלט צו פסקנן פאלשע דינים אזוי וויא רבי ישמעאל ברבי יוסי דער ארים דער פעלד ארבעטער) פון רבי ישמעאל ברבי יוסי פלעגט ברייגען צו רבי ישמעאל אקארב פרוכטען אלע ערב שבת. אמאהל האט ער ניבריינגט דעם קארב פרוכטען דאנערשטאג. האט רבי ישמעאל בייא איהם גיפרעגט פר

אלה לא ימוט לעולם. וכשהיה רבן גמליאל מגיע למקרא הזה היה בוכה אמר מאן דעביד כולהו הוא דלא ימוט הא דעביד חדא מנייהו ימוט (אמר ליה ר' עקיבא אלא מעתה) אל תטמאו בכל אלה בכולהו אין בחדא מינייהו לא אלא בכל אלה באחת מכל אלה ה"נ עושה אלה אחת מאלה. בא ישעיה והעמידן על שש שנאמר (ישעיה לג) הולך צדקות ודובר מישרים וגו' הולך צדקות זה אברהם דכתיב (בראשית יח) כי ידעתיו וגו' לעשות צדקה ומשפט. ודובר מישרים זה שאינו מקניט פני חברו ברבים. מואס בבצע מעשקות כגון ר' ישמעאל בן אלישע. נוער כפיו מתמוך בשחד כגון רבי ישמעאל בר' יוסי. אוטם אזנו משמוע דמים כגון ר' אלעזר ברבי שמעון דלא שמיע ליה בזילותא דרבנן ושתיק. ועוצם עיניו מראות

אריסו מביא לו מכלו קודם זמנו ולא רצה ליקח כדי להיות דיין: בבצע מעשקות. שלא רצה ליטול לעצמו ראשית הגז שהביא לו אדם אחד שהיה לו לדון לפניו אע"ג דהוה כהן רבי ישמעאל בן אלישע משום דדמי כאילו עשק לכהן שהיה רגיל זה ליתן לו מתנותיו: אוטם אזנו משמוע דמים. אזנו אטומה וסתומה בדבר זה שלא ישמע כל דבר גנאי ושתיק שיש בו דמים לבן שתיקה: כגון רבי אלעזר ברבי שמעון בשהוכר את הפועלים דנפק ריתחא מהודיה ואתחזי לאתפיס בהנמא ואמר שמעית בזילותא דחד מרבנן ולא מחאי כדמיבעי לי אנמא בחיים היה רגיל לדקדק בכך ונפיק הקפיד

וואס האסטו היינט גיברייגגט דאנערשטאג. האט דער ארים געענטפערט ווייל איך האב היינט סייא וויא גידארבט אהער קומען ווארום איך האב מיט איינעם אדין תורה. האב איך זיך גיטראכט אין איין וועג וועל איך שוין מיט נעמען דעם קארב פרוכטען. האט רבי ישמעאל גיזאגט ווייל ביי דער דין תורה האסטו מיר גיברייגגט אקארב פרוכטען אפילו זיי זענען מיינע וויל איך שוין ניט זיין אדיין ביא דיין דין תורה. טאמער וועט סיין הארץ וועלען דיך גירעכט באכען. אונ עס שטייט אין פסוק דער וואס טוהט דיא זאכען וועט ער זיך קיין מאהל ניט אויס גליטשען. אז רבן גמליאל פלעגט קומען צו דעם פסוק פלעגט ער וויינען. ער האט גיזאגט דער וואס טוהט דיא אלע עלף זאכען וועט זיך ניט אויס גליטשען. אבער אז ער טוהט נאר איינע פון דיא עלף זאכען וועט ער זיך יא אויס גליטשען. האט רבי עקיבא גיזאגט צו רבן גמליאל עס שטייט אין פסוק איזור זאלט אייך ניט מטמא זיין אין דיא אלע זאכען. וועסטו אויך זאגין אין אלע זאכען טאר מען זיך ניט מטמא זיין. אבער אין איינע פון די זאכען מעג מען זיך יא מטמא זיין. נאר געוויס מיינט מען דוא זאלסט זיך ניט מטמא זיין אין דיא אלע זאכען. אפילו אין איינע פון דיא אלע זאכען אויך ניט. דא מיינט מען אויך אזוי דער וואס טוהט דיא זאכען. אפילו איינע פון דיא אלע זאכען ווער עס טוהט. וועט זיך אויך ניט אויס גליטשען. דער נאך איז גיקומען דער נביא ישעיהו אונ האט גימאכט פון דיא זעקס הונדערט מיט דרייצעהן מצות נאר זעקס. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק הולך צדקות. ער גייט מיט פרומקייט. דאס איז גיוועזן אברהם אבינו. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט איך האב ליב אברהם ווייל ער וועט פאר באטען זיינע קינדער זייא זאלן טאהן צדקה אונ משפט. דובר מישרים. ער רעדט גלייכע רייד. דאס מיינט כען ער דער צערינט ניט זיין חבר ווען ער איז צווישען פיל מענטשין. מואס בבצע מעשקות. ער פאר מיאוסט גירויבטע געלט. דאס מיינט מען אזוי וויא רבי ישמעאל בן אלישע ואיינער האט אמאהל גיברייגגט דיא ערשטע גישווירענע וואל צו רבי ישמעאל בן אלישע ווארום דער דין איז דיא ערשטע וואל וואס מען שערט פון דיא שעפסין דארף מען געבין צום כהן. אונ רבי ישמעאל בן אלישע איז גיוועזן אכהן. האט רבי ישמעאל ניט גיוואלט נעמען. ווייל ביז איצט פלעגט דער מענטש געבין דיא מתנה צו איין אנדער כהן. זעהט דאס אויס יויא רבי ישמעאל גזלת דיא מתנות פון יענעם כהן. נוער כפיו מתמוך בשחד. ער שאקערט אפ זיינע הענט פון צו נעמען געלט פון דיא מענטשין וואס קומען צו איהם האבען אדין תורה. אזוי וויא רבי ישמעאל ברבי יוסי האט גיטאהן. אזוי וויא עס שטייט פריער. אוטם אזנו משמוע דמים. זיין אויער איז פאר מאכט פון צוא הערין שענדליכע רייד אויף אתלמיד חכם אונ ער זאל שווייגען ודמים איז דער טייטש שווייגען. אזו

מראות ברע כדרבי חייא בר אבא דא"ר חייא בר אבא זה שאין מסתכל בנשים בשעה שעומדות על הכביסה וכתיב הוא מרומים ישכון מצדות סלעים משגבו לחמו ניתן מימיו נאמנים. בא מיכה והעמידן על שלשה שנאמר (מיכה ו) הגיד לך אדם מה טוב ומה ה' דורש ממך כי אם עשות משפט ואהבת חסד והצנע לכת עם אלהיך. עשות משפט זה הדין. ואהבת חסד זו גמילות חסדים. והצנע לכת זה הכנסת כלה והוצאת המת. והלא דברים ק"ו ומה דברים שאין דרכן לעשות בצנעה אמרה תורה והצנע לכת. דברים שדרכן לעשות בצנעה עאכ"ו. חזר ישעיהו והעמידן על שתים שנאמר (ישעיה נו) כה אמר ה' שמרו משפט ועשו צדקה. בא עמוס והעמידן על אחת שנאמר (עמוס ה) כה אמר ה' לבית ישראל דרשוני וחיו מתקיף לה רב נחמן ודלמא דרשוני בכל התורה כולה אלא בא חבקוק והעמידן על אחת שנאמר (חבקוק ב) וצדיק באמונתו יחיה:

הקב"ה על אותו פעם שלא מיחה: זהו הולכת המת והכנסת כלה. דכתיב בהו לכת טוב ללכת אל בית אבל מלכת אל בית המשתה: בא ישעיה בן אמוץ. כל שעה היו הדורות מתמעטין:

וויא רבי אלעזר ברבי שמעון אז ער פרעגט הערין מען פאר שעמט אתלמיד חכם פרעגט ער ניט שווייגען. נאר ער פרעגט יענעם בשטראפין. ועוצם עיניו מראות ברע. ער פאר מאכט זיינע אויגען ער זאל ניט זעהן קיין שלעכץ. אזוי וויא רבי חייא בר אבא האט גזאגט דס מיינט מען דעם מענטש וואס ער קוקט ניט אויף דיא ווייבער ווען זייא שטייען אין טייך אונ וואשין זייערע וועש. אויף דעם מענטש וואס טוהט דיא זעקס זאכען האט ישעיה הנביא גזאגט ער וועט רוהען גאנץ הויך. זיין שטארקייט וועט זיין אזוי וויא אין אפעסטונג פון שטיינער. זיין ברויט וועט אים גיגעבין ווערין. זיינע קוואלין וועלין ריכטיג געבין זייערע וואסער. דער נאך איז גיקומען דער נביא מיכה אונ האט גימאכט פון דיא זעקס הונדערט מיט דרייצעהן מצות נאר דריי. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק האט דיר אמענטש גזאגט וואס גוט איז אונ וואס גאט פארשט פון דיר. נאר דוא זאלסט טאהן משפט. אונ זאלסט ליב האבען צוא טאהן חסד. אונ דוא זאלסט גיין הערהאלטין מיט גאט (פון דיינע אלע פרומקייט. זאל קיינער ניט וויסען נאר גאט). דוא זאלסט טאהן משפט מיינט מען ער זאל פסקנן אאמתה דין תורה. דוא זאלסט ליב האבען חסד מיינט מען דוא זאלסט טאהן טובות צו מענטשין מיט דיין גוף אונ מיט דיין געלט. אונ דוא זאלסט גיין בעהאלטין מיט גאט מיינט מען אז דוא וועסט העלפין אארעמע כלה זיא זאל חתונה האבען. אדער דוא וועסט העלפין אארעמען מת אויף תכריכין אונ מען זאל איהם בגראבען. זאל קיינער נישט וויסען פון דעם נאר גאט אליין. וועלין מיר לערנען אקל וחומר. מאדאך אז מען דארף העלפין אארעמע כלה אדער אטויטען צו בגראבען. וואס דיא זאכען איז נישט דער שטייגער זייא זאלען גיטאהן ווערין אין דער שטיל. פון דעסטוועגין האט דיא תורה גזאגט מען זאל גיין מיט דיא זאכען בעהאלטין. דיא צדקות וואס עס איז דער שטייגער זייא זאלין גיטאהן ווערין אין דער שטיל. איז דאך געוויס אז זייא דארפין גיטאהן ווערין אין דער שטיל. דער נאך האט ישעיה גימאכט פון דיא זעקס הונדערט מיט דרייצעהן מצות נאר צוויי: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אזוי האט גאט גזאגט איר זאלט היטען צוא פסקנן אמתה דין תורות. אונ איר זאלט טאהן צדקה. דער נאך איז גיקומען דער נביא עמוס האט גימאכט פון דיא זעקס הונדערט מיט דרייצעהן מצות נאר איינע: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אזוי האט גאט גזאגט צו די יודין פארשט מיך וועט איר לעבין. האט רב נחמן גיפרעגט טאמער מיינט מען איר זאלט מיך פארשטין מיט דער גאנצע תורה. נאר אזוי זאג חבקוק איז גיקומען אונ האט גימאכט פון אלע מצות נאר איינע. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער צדיק וועט לעבין דורך זיין גלויבונג. אמענטש דארף נאר גלויבין אז גאט האט בשאפען דיא גאנצע וועלט אונ אז גאט גיט אכטונג אויף דער וועלט. אונ נאך אזעלכע זאכען וויא עס שטייט אין דער תורה א וג נביאים אונ מוסר ספרים:

חדל נא. אותה ברכה שאמר משה וישכון ישראל וגו' כלומר אימתי ישכנו ישראל בטח כשיהיו צדיקים כעין יעקב: מי יקום יעקב. שיוכל לקיום הסיה כיעקב: כי קטן הוא. קטנים הם בטובים שיהיו צדיקים כיעקב: הלוך להרגיעו ישראל. שיהא להם מנוחה בגלותן: בשופר גדול. וגו' ובאו האובדים בארץ אשור מלמד שלא יהיו אבודים בין האומות: כאבדה המתבקשת. ונמצאת לאחר זמן: כאכילת קשואים. שאוכלין מקצתם ומקצתם אין אוכלים: (כאכילת קשואין. שמשייר אדם הקליפות):

יא אמר ר' יוסי ברבי חנינא ד' גזירות גזר משה על ישראל ובאו ארבעה (זקנים) [נביאים] ובטלום משה אמר (דברים לג) וישכן ישראל בטח בדד עין יעקב בא עמוס ובטלה שנאמר (עמוס ז) חדל נא מי יקום יעקב כי קטן הוא וכתיב (שם) נחם ה' על זאת גם היא לא תהיה אמר ה' אלהים. משה אמר (דברים כח) ובגוים ההם לא תרגיע בא ירמיה ובטלה דכתיב (ירמיה לא) הלוך להרגיעו ישראל. משה אמר (שמות לד) פוקד עון אבות על בנים בא יחזקאל ובטלה שנא' (יחזקאל יח) הנפש החוטאת היא תמות. משה אמר (ויקרא כו) ואבדתם בגוים בא ישעיה ובטלה שנאמר (ישעיה כז) והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול ובאו האובדים בארץ אשור וגו' אמר רב מסתפינא מהאי קרא ואבדתם בגוים מתקיף לה רב פפא ודלמא כאבדה המתבקשת שנאמר (תהלים קיט) תעיתי כשה אובד בקש עבדך אלא מסיפיה דקרא (ויקרא כו) ואכלה אתכם ארץ אויביכם מתקיף לה מר זוטרא ואיתימא רב אשי ודילמא כאכילת קשואין ודלועין:

יא אמר . רבי יוסי ברבי חנינא האט געזאגט פיר גזרות האט משה גוזר געוועזן אויף יודין דער נאך זענען געקומען פיר נביאים אונ האבען מבטל געוועזן דיא פיר גזרות: משה האט געזאגט יודין זאלען רוהען זיכער אליין . אונ גאר וועזן . אויב זייא וועלין זיין צדיקים. אזוי ווי דיא אויג פון יעקב האט אויף זייא געקוקט , איז געקומען דער נביא עמוס אונ האט מבטל געוועזן דיא ברכה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עמוס האט געזאגט צו גאט פאר מייד זיך פון משה'ס ברכה קענען דען יודין זיין אזוי פרום וויא יעקב האט געוואלט . יודין זענען קליין אין פרומקייט . אונ עס שטייט אין פסוק גאט האט חרטה גיהאט אויף דעם . דאס וועט אויך ניט זיין האט געזאגט גאט. משה האט געזאגט צו דיא יודין אין דיא פעלקער וואו דוא וועסט פאר טריבען ווערין וועסטו ניט רוהען . איז געקומען דער נביא ירמיה אונ האט מבטל געוועזן דיא גזרה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ירמיה איז גיגאנגען בערוהיגען דיא יודין ווייא זאלען וואוהנען רוהיג אין גלות . משה האט געזאגט גאט גידיינקט דעם זינד פון דיא פאטערס אויף דיא קינדער . איז געקומען דער נביא יחזקאל אונ האט דאס מבטל געוועזן . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא נשמה וואס וועט זינדיגען . זאל זיא שטארבען פאר אירע זינד . אבער איינער זאל ניט שטארבען פאר דעם אנדערינס זינד . משה הא : געזאגט צו דיא יודין איר וועט פארלארין ווערין צווישען דיא פעלקער . איז געקומען דער נביא ישעיה אונ האט דאס מבטל געוועזן . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אונ עס וועט זיין אין דעם טאג וואס משיח וועט קומען וועט געבלאזין ווערין מיט א גרויסען שופר אונ עס וועלין קומען דיא יודין וואס זענען געוועזן פארלארין אין דעם לאנד אשור . רב האט געזאגט איך האב מורא פאר דעם פסוק וואס משה האט געזאגט איר וועט פארלארן ווערין צווישען דיא פעלקער . האט רב פפא גיפרעגט טאמער מיינט מען אזוי וויא א זאך וואס ווערט פארלארן אונ מען זוכט איר ביז זיא ווערט געפונען . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט געזאגט איך בין פאר בלאנדזעט געווארן וויא א פארלארענע שעפס איך בעט דיך דוא זאלסט זוכען דיין קנעכט . אונ משה רבינו האט אויך אזוי גימיינט . דיא יודין וועלין זיין פארלארין צווישען די פעלקער ביז גאט וועט זיי אויס לייזן . נאר אויף דעם סוף פסוק דארפין מיר זארגין . די לאנד פון אייערע פיינד וועט אייך פר לענדין . האט מר זוטרא גיפרעגט אנדערע זאגין רב אשי האט גיפרעגט טאמער מיינט מען אזוי וויא מען עסט קישואין אונ דלועין (דאס איז א זעלכע ערד פרוכטין וואס וואקסען אין ארץ ישראל) . א ביסול פון די פרי עסט מען אונ א ביסול ניט . אזוי וועט זיין מיט דיא יודין אין גלות . א ביסול פון זיי וועלין פר לענדט ווערין . אונ א ביסול וועלין בלייבען אונ אויס גילייזט ווערין:

יב וכבר היה רבן גמליאל ור' אלעזר בן עזריה ור' יהושע ור"ע מהלכין בדרך ושמעו קול המונה של בבל מפלטיה ברחוק מאה ועשרים מיל התחילו הם בוכים ור' עקיבא משחק אמרו לו עקיבא למה אתה משחק אמר להם למה אתם בוכים אמרו לו עכו"ם הללו שמשתחוים לעצבים ומקטרים לאלילים יושבים בטח ושלוה והשקט ואנו בית הדום רגלי אלהינו שרוף (ע"ג) באש ולא נבכה אמר להם לכך אני משחק אם לעוברי רצונו כך לעושי רצונו עאכ"ו. שוב פעם אחת היו עולין לירושלים כיון שהגיעו להר צופים קרעו בגדיהם כיון שהגיעו להר הבית ראו שועל שהיה יוצא מבית קדשי הקדשים התחילו הם בוכים ור"ע משחק אמרו לו עקיבא מפני מה אתה משחק אמר להם מפני מה אתם בוכים אמרו לו מקום שכתוב בו (במדבר א) והזר הקרב יומת עכשיו נתקיים בו (איכה ה) על הר ציון ששמם שועלים הלכו בו ולא נבכה אמר להם לכך אני משחק דכתיב (ישעיה ח) ואעידה לי עדים נאמנים את אוריה הכהן ואת זכריה בן יברכיהו וכי מה ענין אוריה אצל זכריה והלא אוריה במקדש ראשון וזכריה במקדש שני אלא תלה הכתוב נבואתו של זכריה בנבואתו של אוריה. באוריה כתיב (מיכה ג) לכן בגללכם ציון שדה תחרש וירושלים עיין תהיה והר הבית לבמות יער. בזכריה כתיב

יב וכבר. רבן גמליאל אונ רבי אלעזר בן עזריה אונ רבי יהושע אונ רבי עקיבא זענען אמאהל גיגאנגען אין וועג. וויא זייא זענען גיקומען הונדערט מיט צוואנציג תחום שבת ווייט פון בבל. האבען זייא גיהערט דאס ברומונג פון פיל מענטשין וואס זייא דער צייגען דם גרויסע גליק וואס בבל הט. האבען רבן גמליאל אונ רבי אלעזר אונ רבי יהושע אנגיהויבען צו וויינען; אונ רבי עקיבא האט גילאכט; האבען זייא גזאגט צו רבי עקיבא פר וואס לאכסטו; האט רבי עקיבא צו זייא גזאגט פאר וואס וויינט איר. האבען זייא גזאגט צו רבי עקיבא אז מיר זעהן דיא גוים וואס בוקין זיך אונ רייכערין קטורת צו דיא עבודה זרה. זיצען זיכער אונ רוהיג אונ שטיל. אונ ביי אונז איז דער בית המקדש פר ברענגט אין פייער; זאלען מיר ניט וויינען. האט רבי עקיבא צו זייא גזאגט דריבער לאך איך. מאראך צו דיא רשעים גיט גאט אזוי פיל שכר. צו דיא יודין וויא פיל שכר וועט גאט געבין; געווים טוזענדער מאהל אזוי פיל. נאך אמאהל האט גיטראפען אז דיא פיר תנאים זענען גיגאנגען אין ירושלים. וויא זיי זענען גיקומען צום בארג צופים האבען זייא צוריסען זייערע קליידער ווייל זייא האבען גיזעהן דער בית המקדש איז פאר ברענט. וויא זייא זענען גיקומען צו דעם בארג וואס אויף איהם איז גישטאנען דער בית המקדש. האבען זייא גיזעהן אפוקס גייט ארויס פון קדשי קדשים. האבען זייא אן גיהויבען צו וויינען. אונ רבי עקיבא האט גילאכט. האבען זייא גזאגט צו רבי עקיבא פר וואס לאכסטו. האט רבי עקיבא צו זיי גזאגט פר וואס וויינט איר. האבען זייא גזאגט צו רבי עקיבא דער ארט וואס אויף איהם זאגט דער פסוק אז אפרעמדער (ניט אכהן גדול) וועט דארט קומען וועט ער שטארבען; איצט איז אויף דעם ארט מקוים גיווארן דער פסוק דער בארג ציון וועט זיין וויסט פיקס וועלין דארט ארומגיין. זאלין מיר ניט וויינען. האט רבי עקיבא צו זייא גזאגט דריבער לאך איך. ווארום עס שטייט אין פסוק איך האב גענומען צו מיר בגלויבטע עדות דעם אוריה הכהן אונ דעם זכריה בן יברכיהו; איז דאך אקשיא וויא קומט אוריה צו זכריה. אוריה איז דאך גיוועז ביי דעם ערשטין בית המקדש אונ זכריה איז דאך גיוועזן ביי דעם אנדערין בית המקדש. נאר דער פסוק הט אן געהאנגען דיא נביאות פון זכריה אן דיא נביאות פון אוריה. אז דיא נביאות פון אוריה וועט מקוים ווערין. וועט דיא נביאות פון זכריה אויך מקוים ווערין. אוריה האט נביאות גזאגט צו דיא יודין פון אייערט וועגין וועט ציון צו אקערט ווערין וויא אפעלד. אונ אין ירושלים וועט זיין בערג פון דיא איינגעפאלענע הייזער. אונ דער בארג וואס אויף איהם איז דער בית המקדש גישטאנען וועט ער זיין אזוי וויא דיא בערג וואס זענען אין אוואלד. אונ זכריה הט נביאות גזאגט

כתיב (זכריה ח) עוד ישבו זקנים וזקנות ברחובות ירושלים. עד שלא נתקיימה נבואתו של אוריה הייתי מתירא שמא לא תתקיים נבואתו של זכריה עכשיו שנתקיימה נבואתו של אוריה בידוע שנבואתו של זכריה מתקיימת. ובלשון הזה אמרו לו עקיבא נחמתנו עקיבא נחמתנו (ה' ינחמנו אמן):

סליק מסכת מכות

עֶס וֶועלִין נָאךְ זִיצֶען אַלְטֶע מַאנֶען אוּנ אַלְטֶע וַוייבֶּער אִין דִי גַאסֶען פוּן יְרוּשָׁלַיִם. אֵיידֶער עֶס אִיז מְקוּיָם גִיוָוארֶן דִיא נְבִיאוֹת פוּן אוּרִיָה. הָאבּ אִיךְ מוֹרָא גִיהַאט טָאמֶער וֶועט דִיא נְבִיאוֹת פוּן זְכַרְיָה אוֹיךְ נִיט מְקוּיָם וֶוערִין. אָבֶּער אִיצְט אַז דִיא נְבִיאוֹת פוּן אוּרִיָה אִיז מְקוּיָם גִיוָוארֶן. וַוייס אִיךְ גֶעוִוים אַז דִי נְבִיאוֹת פוּן זְכַרְיָה וֶועט אוֹיךְ מְקוּיָם וֶוערִין. אוּנ אַזוֹי הָאבֶּען גִזָאגְט רַבָּן גַמְלִיאֵל אוּנ רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה אוּנ רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ צוּ רַבִּי עֲקִיבָא. עֲקִיבָא דוּ הָאסְט אוּנְז גִיטְרַייסְט. עֲקִיבָא דוּ הָאסְט אוּנְז גִיטְרַייסְט וְנָאט זָאל אוּנְז אוֹיךְ טְרַייסְטֶען אָמֵן:

(דף ד ע"ב) **א תניא** (דברים טו) מרצע אין לי אלא מרצע מנין לרבות הסול והסירה הכרט והמקדה והמכתב ת"ל (שם) ולקחת כל דבר הנלקח ביד דברי ר' יוסי בר' יהודה ר' אומר מרצע מה מרצע מיוחד של מתכת אף כל של מתכת:

הסול. הסיכת עץ תדודה: הסירה. קין: המכתב. הרט סקוכין גריפ"ל: אין כאים מנוקה מעון. הכא עליה אתר שנים ארס:

(דף ה) **ב אמר** מר ונעלם מכלל שידע מאי משמע אמר רבא מדלא כתיב והיא עלומה ממנו א"ל אביי אלא מעתה גבי סוטה דכתיב (במדבר ה) ונעלם מעיני אישה מכלל דהוה ידע מעיקרא אי הוה ידע מי ברקי לה מיא והתניא (שם) ונקה האיש מעון

א תניא: מיר האבין געלערנט עס שטייט אין פסוק אז איודישער קנעכט האט געדינט ביי א אידען זעקס יאהר, זאל ער שוין פרייא ווערען. אונ אויב ער וויל ניט פרייא ווערען נאר ער וויל ווייטער דינען. זאל מען איהם שטעכען דעם אויער מיט אמרצע (מיט אזוי אנאדעל וואס הייסט מרצע). פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז מען מעג איהם שטעכען דעם אויער מיט אשפיציג שטיקל האלץ אוך. אדער מיט אדארען. אדער מיט אפראסטע נאדעל. אדער מיט אאייזערנע פעדער (אסטאלקען). שטייט אין פסוק דוא זאלסט נעמען דעם מרצע. איז דאך דער ווארט "נעמען" איבעריג. עס דארף שטיין דוא זאלסט איהם שטעכען דעם אויער מיט אמרצע. געוויס וועט ער מוזען דעם מרצע נעמען אין האנט ווען ער וועט דארפען מיט איהם שטעכען. נאר דער פסוק מיינט דוא זאלסט נעמען אמרצע אדער איין אנדער זאך וואס ווערט גינומען אין האנט אונ מען קען מיט דעם שטעכען. אונ זאלסט איהם שטעכען דעם אויער. אזוי זאגט רבי יוסי ברבי יהודה: רבי זאגט דריבער שטייט אין פסוק מרצע. צו זאגין אזוי ווי אמרצע איז פון אייזען (דאס איז אנגאסענע זאך). אזוי אלע גיגאסענע זאכען (למשל אייזען. קופער. מעש. אונ נאך אזעלכע זאכען). וואס מען קען מיט דעם שטעכען. מעג מען שטעכען מיט איהם דעם אויער פון דעם קנעכט. אבער די שטעכעריגע זאכען וואס זענען ניט פון גיגאסענע זאכען. טאר מען ניט שטעכען מיט דעם שטעכער דעם אויער פון דעם קנעכט:

ב אמר. דער תנא האט גיזאגט עס שטייט אין פסוק ונעלם. עס איז פאר געסען גיווארען. האט ער אמאהל גיוואוסט. אזוי זאגט דער תנא. פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז עס איז אזוי. טאמער מיינט מען עס איז גיווען פון אים פאר געסין פון אנהייב אן. ער האט קיין מאהל ניט גיוואוסט, האט רבא גיזאגט אז מען וואלט מיינען ער האט קיין מאהל ניט גיוואוסט. האט גידארפט שטיין אין פסוק והיא עלומה מכנו. אונ זיא איז פאר געסין פון אים. פון אנהייב אן. אז עס שטייט ונעלם. עס איז פאר געסין גיווארין. מיינט מען פריער האט ער גיוואוסט. נאר איצט איז גיווארין פאר געסין. האט אביי גיזאגט צו רבא ביי אסוטה שטייט אין פסוק ונעלם מעיני האיש. אונ עס איז פאר בארגין געווארין פון דיא אויגין פון איר מאן: וייל מיר זאגין דעם ווארט גיווארין. וועסטו אויך זאגין פריער האט דער מאן גיוואוסט. נאר איצט איז פון איהם פאר בארגין גיווארין. איז דאך אקשיא אויב דער מאן האט פריער גיוואוסט אז זיין ווייב פאר בארגט זיך מיט אנדערע מענטשין. אונ פון דעסט וועגין האט ער נאך גיוואהנט מיט איר. דער נאך האט ער איר פאר זאגט זיא זאל זיך שוין מער ניט פאר בארגין מיט קיין מענטש. אונ זיא האט זיך יא פאר בארגין גיט מען איהר טרינקען דיא מים המאררים. אויב דער מאן האט גיוואוסט אז דאס ווייב פאר בארגט זיך מיט אנדערע מענטשין אונ ער האט מיט איהר גיוואוהנט. טוהען דאך איהר דיא מים המאררים גאר קיין שלעכטס ניט. ווארום מיר האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק דער מאן וועט זיין ריין פון אזינד אונ דיא אשה וועט טראגען איר זינד. אזוי מיינט דער פסוק אז דער מאן וועט זיין ריין פון אזינד וועלין דיא מים המאררים שלעכט טאהן דער ווייב. אבער אז דער מאן וועט ניט זיין ריין פון אזינד ודהיינו דער מאן האט גיוואוהנט

ידיעת בית רבו . שלמד בבית רבו שהנוגע בטומאה טמא והוא ידע שהרגים כשנוגע אבל לא נתכוון לבוס על רבו שנטמא שמה ידיעה :

שאם מת. קודם שיודע לו : מיתה ממרקת . דהכי אמרינן בפרק בתרא דיומא שמיתה ממרקת כל העונות שעשה תשובה עליהם ואין התשובה עמהם כפרתן ולא יה"כ גומר כפרתן כגון עבירות חמורות :

מעון והאשה ההיא תשא את עונה בזמן שהאיש מנוקה מעון המים בודקין את אשתו אין האיש מנוקה מעון אין המים בודקין את אשתו . ותו גבי תורה דכתיב (איוב כח) ונעלמה מעיני כל חי ומעוף השמים נסתרה מכלל דאיכא דהוה ידע בה והכתיב (שם) לא ידע אנוש ערכה אלא אמר אביי קסבר רבי שידיעת בית רבו שמה ידיעה :

(דף ו ע"ב) **ב ותאכל** כל ארעא ותדושנה ותדקנה (דניאל ז) אמר ר' יוחנן זו פרס שטבעה יצא בכל העולם כולו :

(דף ח ע"ב) **ג וכי** תימא אין בה ידיעה בתחלה ויש בה ידיעה בסוף שעיר הנעשה בחוץ ויה"כ מכפר ס"ד אמינא וכו' וכי מאחר שאינו מכפר למה תולה א"ר זירא לומר שאם מת מת בלא עון א"ל רבא אם מת מיתה ממרקת אלא אמר רבא

מיט זיין ווייב דער נאך וויא זיא האט זיך פאר בארגין מיט אנדערע מענטשין) טוהען ניט דיא וואסער שלעכטס דיא אשה . אונ נאך אקשיא איז בייא דער תורה שטייט אין פסוק ונעלמה מעיני כל חי (דיא תורה איז פאר בארגין געווארען פון דיא אויגען פון אלע לעבעדיגע מענטשין ; ומעוף השמים נסתרה ופון אלע פויגלען פון הימעל איז זיא פאר בארגין געווארען) . וויל מיר זאגין דעם ווארט ..געווארען" וועלען מיר אויך זאגין פריער האט מען געוואוסט פון דער תורה ; נאר דער נאך איז זיא פאר בארגין געווארען . עס שטייט דאך אין פסוק עס האט קיין מענטש ניט געוואוסט דעם שאצונג פון דער תורה . האט מען דאך קיין מאהל ניט געוואוסט פון דיא תורה . האט אביי געזאגט וואס רבי זאגט ונעלם עס איז פאר געסען געווארען . אבער אמאהל האט מען געוואוסט. מיינט מען ניט ער האט געוואוסט אז ער איז טמא אונ איז אריין געגאנגען אין בית המקדש אדער אז ער עסט קדשים . דער נאך האט ער פאר געסין . גיין ער האט פון זיין טומאה גאר ניט געוואוסט . אדער ער האט גאר ניט געוואוסט אז דאס איז קדשים . אדער ער האט ניט געוואוסט אז דאס איז דער בית המקדש . נאר וואס דען האט ער געוואוסט . ער האט נאר געוואוסט דעם דין וואס ער האט גילערנט בייא זיין רבי אז אטמא טאר ניט אריין גיין אין בית המקדש אונ טאר ניט עסין קדשים . אונ בייא אסוטה מיינט מען אויך אזוי . ער האט פון איר פאר בארגענעש גאר ניט געוואוסט . ער האט נאר געוואוסט דעם דין פון אסוטה וואס ער האט גילערנט בייא זיין רבי :

ג ותאכל . דניאל האט געזאגט ער האט געזעהן אין חלום וויא דיא חיה עסט אויף דיא גאנצע וועלט אונ זיא צו טרעט אונ צו שטויסט . וועמען מיינט מען דיא חיה . האט רבי יוחנן געזאגט דאס מיינט מען פרס . וואס איר נאמען איז ארוים געגאנגען אויף דיא גאנצע וועלט :

ד וכי . טאמער וועסטו זאגין אז ער האט ניט געוואוסט פריער איידער ער האט גיטאהן דיא עבירה . נאר דער נאך וויא ער האט שוין גיטאהן דיא עבירה האט ער געוואוסט . זאל אויף אים מכפר זיין דער שעיר וואס מען שפריצט זיין בלוט אויף דעם אויס ווייניגסטען מזבח אונ יום כפור אליין זאל אויך אויף איהם מכפר זיין (ועיין בגמרא) . דער נאך פרעגט דיא גמרא אז עס איז אויף אים ניט מכפר געגין וואס זאגין מיר דיא עבירה הייגט (דאס הייסט דיא עבירה איז ניט אויף דעם מענטשין . אונ זיא איז ניט מכופר געווארען . אזוי וויא אזאך וואס הייגט אין דער לופטען זיא איז ניט אויף דעם הימעל אונ ניט אויף דיא ערד) . האט רבי זירא געזאגט אויב דער מענטש שטארבט איידער איהם איז דער וואוסט געווארען דיא עבירה . ווערט איהם דיא עבירה ניט גירעכנט . האט רבא געזאגט צו רבי זירא דאס שטארבען איז מכפר אויף אלע

רבא להגין עליו מן היסורין :

(דף ט) **ה אמר** ריש לקיש מה נשתנה שעיר של ראש חדש שנאמר בו לה' אמר הקב"ה שעיר זה יהא כפרה עלי שמעטתי את הירח :

(דף י) **ו אמר** רבי יונה אמר קרא (במדבר כט) אלה תעשו לה' במועדיכם הוקשו כל המועדים כולם זה לזה והא ר"ח לאו מועד הוא איברא ראש חדש נמי איקרי מועד כדאמר אביי דאמר אביי תמוז דההיא שתא מלויי מליוה דכ' (איכה א) קרא עלי מועד לשבור בחורי :

(דף יב ע"ב) **ז מנא** ה"מ דת"ר (ויקרא יז) וכפר על הקדש מטמאות בני ישראל וגו' פשעים אלו המרדים וכן הוא אומר (מ"ב ג) מלך מואב פשע בי ואומר (שם ח) אז תפשע לבנה בעת ההיא. חטאות אלו השגגות וכן הוא אומר (ויקרא ד) נפש כי תחטא בשגגה :

על

כגילו עלי כפרה. להפיס דעתה של לבנה : איכה. באמת : קרא עלי מועד. במס' תענית תמוז דההיא שתא של שנה השנית ליציאת בני ישראל ממצרים שנשתלחו בהם המרגלים בכ"ט בסיון מלויי מליאה להתמוז לפיכך אירע בו יום חזרת המרגלים בט' באב ויבכו העם בלילה ההוא בט' באב בכו בכיה של חנם והוקבע להם בכיה לדורות: לשבור בחורי. בחורבן הבית :

עֲבֵירוֹת וָואס דֶער מֶענטְשׁ הָאט אוֹיף זַייא גִיטָאהן תְּשׁוּבָה. נָאר וָואס דֶען מֵיינְט מֶען דִיא עֲבֵירָה הֵיינְגְט צוּ בַּשִׁיצֶען אוֹיף אִיהם פוּן יְסוּרִים. בִּיז אִיהם וֶועט דֶער וואוּסְט וֶוערִין די עֲבֵירָה. וֶועט עֶר בְּרֵיינְגֶען אַקָרְבָּן חַטָּאת :

ה אָמַר. רֵישׁ לָקִישׁ הָאט גִיזָאגְט פַאר וָואס אִיז גֶיעֶנְדֶערְט גִיוָוארֶען דֶער שָׂעִיר פוּן ראשׁ חוֹדֶשׁ פוּן אַלֶע שְׂעִירִים. וָואס בַּייא דֶעם שָׂעִיר פוּן ראשׁ חוֹדֶשׁ שְׁטֵייט מֶען זָאל אִיהם מַקְרִיב זַיין צוּ גָאט (אַלֶע קָרְבָּנוֹת אִיז מֶען דָאךְ מַקְרִיב צוּ גָאט). נָאר אַזוֹי מֵיינְט דֶער פָּסוּק גָאט הָאט גִיזָאגְט דֶער שָׂעִיר פוּן ראשׁ חוֹדֶשׁ זָאל מְכַפֵּר זַיין אוֹיף מִיר וָואס אִיךְ הָאבּ קְלֶענֶער גִימַאכְט דִיא לְבָנָה פוּן דִיא זוּהן :

ו אָמַר. רַבִּי יוֹנָה הָאט גִיזָאגְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִיא קָרְבָּנוֹת זָאלְט אִיהר מַאכֶען צוּ גָאט אִין אַייעֶרֶע יָמִים טוֹבִים. וֶוענֶען גֶעגְלִיכֶען גֶעוָוארֶען אַלֶע יָמִים טוֹבִים אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערִין. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא ראשׁ חוֹדֶשׁ אִיז דָאךְ נִיט קֵיין יוֹם טוֹב. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא ראשׁ חוֹדֶשׁ אִיז טַאקִי נִיט קֵיין יוֹם טוֹב נָאר דֶער פָּסוּק רוּפְט אִיהם יוֹם טוֹב. אַזוֹי וִויא אַבַּיֵי הָאט גִיזָאגְט דֶער חוֹדֶשׁ תַּמּוּז פוּן דֶעם יָאהר וָואס מֶען הָאט גֶעשִׁיקְט דִיא מְרַגְלִים הָאט מֶען אִיהם גִימַאכְט פוּל מִיט דְרַייסִיג טֶעג. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק יִרְמְיָה הַנָּבִיא הָאט גִיזָאגְט גָאט הָאט גֶערוּפֶען אוֹיף מִיר אַיוֹם טוֹב (דָאס הֵייסְט מֶען הָאט גִימַאכְט ראשׁ חוֹדֶשׁ אָב מִיט אַטָאג שְׁפֶּעטֶער) עֶס זָאל אוֹיס קוּמֶען דֶער גֶעוויין פוּן דִיא יוּדֶען דִיא נַאכְט פוּן תִּשְׁעָה בְּאָב. וַוייל אִין דֶער נַאכְט אִיז אוֹיך גִיזֶעצְט גִיוָוארֶען פוּן גָאט מֶען זָאל צוּא בְּרֶעכֶען מַיינֶע יוּנְגֶע לַייט. בַּייא דֶעם חוּרְבַּן פוּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס עֶר אִיז צְווַייא מָאהל חָרוּב גִיוָוארֶען אִין דֶער נַאכְט פוּן תִּשְׁעָה בְּאָב. זֶעהְן מִיר אַז יִרְמְיָה רוּפְט דֶעם טָאג ראשׁ חוֹדֶשׁ מוֹעֵד · יוֹם טוֹב :

ז מְנָא. פוּן וַואנֶען ווייסֶען מִיר דִיא רֵייד. וָוארוּם דִיא רַבָּנָן הָאבֶען גִיגֶערוּנְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עֶר זָאל מְכַפֵּר זַיין אוֹיף דִיא הֵיילֶעגְקֵייט פוּן דִיא טוּמְאוֹת וָואס דִיא יוּדֶען הָאבֶען מְטַמֵּא גִיוֶועֶן אוּנ פוּן זַייעֶרֶע פְּשָׁעִים אוּנ פוּן זַייעֶרֶע חַטָּאוֹת. פְּשָׁעִים מֵיינְט מֶען די עֲבֵירָה וָואס אַמֶענְטְשׁ טוּהט צוּ דֶער צֶערֶעגֶען גָאט וַוייל עֶר וִויל אִיהם נִיט דִינֶען. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מֶלֶךְ מוֹאָב פָּשַׁע בִּי. דֶער מֶלֶךְ פוּן מוֹאָב הָאט גֶעזִינְדִיגְט צוּ מִיר. עֶר וִויל מִיךְ נִיט דִינֶען. נָאךְ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אָז תִּפְשַׁע לִבְנָה בָּעֵת הַהִיא. אִין דֶער צַייט הָאט לִבְנָה גֶעזִינְדִיגְט צוּם מֶלֶךְ יְהוּדָה. זִיא הָאט אִיהם נִיט גִיוָואלְט דִינֶען. חַטָּאוֹת מֵיינְט מֶען דִיא עֲבֵירָה וָואס אַמֶענְטְשׁ טוּהט אוּמגֶעוִוין נִיט וִויסֶענְדִיג. לְמָשָׁל עֶר הָאט פַאר גֶעסִין אַז הַיינְט אִיז שַׁבָּת אוּנ עֶר הָאט אָן גִיצוּנְדֶען אַלִיכְט, אָדֶער עֶר הָאט נִיט גֶעוואוּסְט אַז דִיא זַאךְ טָאר מֶען נִיט טאהן. אוּנ אַזוֹי שְׁטֵייט אִין פָּסוּק נֶפֶשׁ כִּי תֶחֱטָא בִּשְׁגָגָה. אַמֶענְטְשׁ וָואס וֶועט זִינְדִיגֶען אוּמגֶעוִוין. זֶעהְן מִיר אַז דִיא זִינְד וָואס מֶען טוּהט אוּמגֶעוִוין. וֶוערְט גֶערוּפֶען חֵטְא :

על

(דף יב ע"ב) **ה משנה** על שאר עבירות שבתורה הקלות והחמורות וכו' עשה ולא תעשה כריתות ומיתות ב"ד על כלן שעיר המשתלח מכפר: **גמ'** (דף יב ע"ב) האי עשה היכי דמי אי דלא עבד תשובה (משלי כא) זבח רשעים תועבה אי דעבד תשובה כל יומא נמי דתניא עבר על מצות עשה ועשה תשובה לא זז משם עד שמוחלין לו א"ר זירא (דף יג) בעומד במרדו ורבי היא דתניא רבי אומר על כל עבירות שבתורה בין עשה תשובה בין לא עשה תשובה יוה"כ מכפר חוץ מפורק עול ומגלה פנים בתורה ומפר ברית בשר שאם עשה תשובה יוה"כ מכפר ואם לאו אין יום הכפורים מכפר. מ"ט דרבי דתניא (במדבר טו) כי דבר ה' בזה זה הפורק עול ומגלה פנים בתורה. ואת מצותו הפר זה המפר ברית בשר. הכרת

תכרית

פירוש

אלא עשה. דתכפר עליה יוה"כ: היכי דמי אי דלא עבד תשובה. באינו חוזר על חטאו: הא כתיב זבח רשעים תועבה. והיכי מכפר עליה קרבן יוה"כ: אי דעביד תשובה. למה ליה יוה"כ כל יומא נמי תשובה מכפרת עליה דהניא לא זז משם עד שמוחלין ליה: בעומד במרדו. דלא עבד תשובה ודקאמר לך זבח רשעים תועבה מתני' רבי היא דאמר יוה"כ מכפר על שאין שבין והאי קרא מוקי לה בשאר יומי: פורק עול. כופר בעיקר: ומגלה פנים בתורה. בא על דברי תורה בחוצפא או בגלוי עזות פניו כגון מנשה שהיה יושב ודורש נאגדות של דופי לא היה למשה לכתוב אלא ותמנע היתה פילגש וילך ראובן בימי קציר חטים. כדאמרינן בחלק: ברית בשר. מילה: דבר ה' בזה זה הפורק עול. שבזה דבור ראשון שאמור בסיני אנכי ה' אלהיך שלא שמעו אותו אלא מפי הגבורה: ומגלה פנים. מדאפקיה קרא בלשון בזיון וזה בוזה דברי תורה הוא: זה המפר ברית בשר. בהיא

ה משנה. על. אויף אנדערע עבירות פון דער תורה. גרינגע אונ שווערע. מצות עשה אונ מצות לא תעשה אונ די עבירות וואס אויף זייא קומט כרת אונ דיא עבירות וואס ב"ד דין הרגנן אויף זיי. אויף אלין איז מכפר דער שעיר וואס ווערט אוועק געשיקט לעזאזל. פרעגט דיא גמרא וואס מיר זאגין אז איינער האט ניט מקיים געווען אמצות עשה ולמשל ער איז ניט געזעסן אין סוכה איז יום כפור אויף איהם מכפר. וויא אזוי שמועסט מען: אויב ער הט ניט גיטאהן תשובה (ער האט ניט חרטה אויף דיא עבירה) איז ער דאך ארשע שטייט דאך אין פסוק דעם קרבן וואס דיא רשעים, ברענגען איז ביי גאט פר מיאוסה. וויא אזוי איז אויף איהם מכפר דער קרבן פון יום כפור. אונ אויב ער האט יא גיטאהן תשובה. צו וואס דארף ער דעם יום כפור. אלע טאג ווען מען טוהט תשובה איז אויף איהם מכפר. ווארום מיר האבען גילערונט אז איינער האט ניט מקיים געווען אמצות עשה ולמשל ער איז ניט גיזעסין אין סוכה אונ ער האט גיטאהן תשובה. גייט ער ניט אוועק פון דעם ארט ביז מען איז איהם מוחל דיא עבירה. הט רבי זירא געזאגט דא שמועסט אז ער הט ניט גיטאהן קיין תשובה. אונ דיא משנה איז וויא רבי. ווארום מיר האבען גילערונט רבי זאגט אויף אלע עבירות וואס שטייט אין דער תורה סיי ער האט גיטאהן תשובה כיי ער האט ניט גיטאהן תשובה. איז יום כפור מכפר. נאר אז איינער לייקנט אין גאט. אדער ער רעט שלעכטע רייד אויף די תורה אזוי וו א מנשה הט געזאגט מער האט שוין משה ניט גיהאט צו שרייבען אין דער תורה. נאר אז תמנע איז געווען אפילגש צו אליפז. אדער ער איז ניט מל זיין קינד. אויף די אלע דרייא עבירות אויב ער האט גיטאהן תשובה איז יום כפור מכפר. אונ אויב ער האט ניט גיטאן תשובה איז יום כפור ניט מכפר. וועט אזוי זיין דער דין אויב ער האט ניט מקיים געווען אמצות עשה אונ ער טוהט תשובה אפילו אין מיטען יאהר איז מען איהם מוחל. אונ אויב ער טוהט ניט קיין תשובה איז מען איהם אין מיטען יאהר ניט מוחל. אפילו ער ברענגט אקרבן איז מען איהם אויך ניט מוחל. אבער יום כפור איז מכפר אויף איהם אפילו ער האט קיין תשובה ניט גיטאהן. פר וואס זאגט רבי אז אויף די דריי עבירות איז אפילו יום כפור ניט מכפר אן תשובה. ווארום מיר האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק ער האט פאר שעמט דיא רייד פון גאט. דאס מיינט מען דער וואס לייקנט אין גאט אונ ער רעט שלעכטע רייד אויף דיא תורה. זיינע מצות האט ער פאר שטערט. דאס מיינט מען ער האט גישטערט דיא מצוה פון מילה. הכרת תכרת. ער זאל פאר שניטען ווערין פאר יום כפור. אונ ער זאל פאר שניטע

תכרת הכרת לפני יום הכפורים תכרת לאחר יום הכפורים יכול אפילו עשה תשובה ת"ל עונה בה לא אמרתי אלא בזמן שעונה בה. ורבנן הכרת בעה"ז תכרת לעולם הבא. עונה בה שאם עשה תשובה ומת מיתה ממרקת:

ט תניא יכול לא יהא יה"כ מכפר אא"כ התענה בו וקראו מקרא קדש ולא עשה בו מלאכה לא התענה בו ולא קראו מקרא קדש ועשה בו מלאכה מנין ת"ל (ויקרא כג) יום הכפורים הוא מ"מ אמר אביי לא קשיא הא רבי והא רבי יהודה וכו':

מהם יחידית: לא אמרתי אלא בזמן שעונה בה. אלמא בשאינו שב קאי קרא ובהכך תלת הוא דגלי לן אף לאחר יוה"כ הא בשאר אע"פ שאינו שב יוה"כ מכפר: ורבנן. דאית להו נמי בשאר עבירות שאין יוה"כ מכפר על שאינם שבים אמרי לך הא דגלי לן קרא בהכך תלת לאו ביוה"כ איירי אלא בכרת הכרת דקאמר הכרת בעוה"ז תכרת לעוה"ב שאף מיתה אינה ממרקת על שלש הללו בלא תשובה אבל בשאר עבירות בלא תשובה נמי מיתה ממרקת אחר יוה"כ אבל יוה"כ בלא מיתה לא: שאם עשה תשובה ואין עונה בה מיתה ממרקת על שלש הללו ולא תכרת לעוה"ב:

לא קראו מקרא קדש. לא קבלו בברכותיו לומר מקדש ישראל ויום הכפורים:

אין מוסיפין. לעיר ליא קדושה כתחלתה: בשתי תודות. מפרש בגמרא שני לחמי תודה והיו נושאין אותם בהיקף סביב:

ידיעות הטומאה פרק שני

(דף יד) א משנה אין מוסיפין על העיר ועל העזרות אלא במלך ונביא ואורים ותומים וסנהדרין של שבעים ואחת ובשתי תודות ובשיר

ווערין נאך יום כפור. ווארום יום כפור איז ניט מכפר דיא עבירה. איך וואלט מיינען אפילו ער האט גיטאהן תשובה. זאל ער אויך פאר שניטען ווערין. שטייט אין פסוק איר זינד איז אין איר. ווען זאל ער פאר שניטען ווערין אז דיא עבירה איז נאך ביי איהם. אבער אז ער האט אוועק גיקאזן דיא עבירה אונ ער האט גיטאהן תשובה. וועט ער ניט פאר שניטען ווערין. דאס איז נאר ביי די דריי עבירות איז יום כפור ניט מכפר אן תשובה. אבער ביי אנדערע עבירות אפילו ער האט ניט תשובה גיטאהן איז אויך יום כפור מכפר. אונ דיא רבנן זאגין וואס עס שטייט צוויי מאהל כרת (הכרת תכרת) מיינט מען ער וועט פאר שניטען ווערין אויף דער וועלט. אונ וועט פאר שניטען ווערין אויף עולם הבא. אפילו דער טויט איז אויך ניט מכפר אויף די דריי עבירות אויב ער האט ניט גיטאהן תשובה. אבער אויף אנדערע עבירות אויב ער האט גיטאהן די עבירה פר יום כפור. אונ ער איז גישטארבן נאך יום כפור: איז דער טויט מיט יום כפור מכפר אפילו אן תשובה. אבער יום כפור אן דעם טויט אונ אן תשובה איז ניט מכפר אויף קיין עבירה. אבער אז ער האט גיטאהן דריא עבירות. אונ ער האט גיטאהן תשובה אונ איז גישטארבען. איז דער טויט מכפר. אונ ער וועט האבען עולם הבא:

ט תניא. מיר האבען גילערונט איך וואלט מיינען אז יום כפור זאל אנדערש ניט מכפר זיין נאר צו דעם מענטש וואס הט גיפאסט אין איהם אונ האט איהם גיהאלטען פר איום טוב אונ ער האט ניט גיטאהן אין איהם קיין ארבעט. אבער פון וואנען ווייסען מיר אז יום כפור איז מכפר אפילו צו דעם מענטש וואס האט אין איהם ניט גיפאסט. אונ האט איהם ניט גיהאלטען פאר איום טוב. אונ ער האט גיטאהן אין איהם אארבעט. שטייט אין פסוק יום כיפורים הוא. דאס איז אטאג פון מכפר זיין. דער טאג איז מכפר צו אלע מענטשין. האט אביי גזאגט עס איז ניט קיין קשיא אין דער זאך קריגט רבי מיט רבי יהודה (ועיין בגמרא):

פרק שני

א משנה. אין. מען טאר ניט פאר גרעסערין דיא שטאט ירושלים. אונ מען טאר ניט פאר גרעסערין דיא עזרות. נאר אז דער מלך אונ דער נביא אונ דער כהן גדול מיט די אורים

ובשיר ובב"ד מהלכין ושתי תודות אחריהם וכל ישראל אחריהם:

(דף טו) ב תניא נאמר בעולת בהמה (ויקרא א) אשה ריח ניחוח ונאמר בעולת העוף (שם) אשה ריח ניחוח ובמנחה (שם ב) אשה ריח ניחוח מלמד אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין לבו לשמים:

(שם ע"ב) ג אין בנין בית המקדש בלילה דאמ־ אביי מנין דאין בנין בה"מ בלילה שנאמר (במדבר ט) וביום הקים את המשכן ביום מקימו אבל בלילה אין מקימו:

פירוש

ה"ג שיר של תודה היו אומרים שם בכנורות ומהו שיר של תודה מזמור לתודה: ארוממך ה'. וגו' הוא מזמור שיר חנוכת הבית לכך אומר אותו: ושיר של פגעים. יושב בסתר עליון ולפי שאמרו משה בהקמת המשכן דכתיב ויברך אותם משה ומה ברכן יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם ויהי נועם ה' אלהינו עלינו הכי איתא בתורת כהנים והוא מי"א מזמורים שאמר משה בספר תהלים מתפלה למשה עד סוף מזמור לתודה: פגעים. מזיקין שפוגעין בבני אדם להזיק: ואומר ה' מה רבו צרי. לפי שנאמר בו רבים אומרים לנפשי אין ישועתה לו באלהים סלה שהיו מתלוצצים צרי יהודה ובנימין כשהיו בני ישראל בני הגולה בונים את החומה שנאמר מה היהודים האמללים עושין שהיו את האבנים מערמות העפר והמה שרופות ואומר אם

ד ת"ר שיר של תודה בכנורות ובנבלים ובצלצלים על כל פנה ופנה על כל אבן גדולה שבירושלים אומר (תהלים ל) ארוממך ה' כי דליתני וגו' שיר של פגעים וי"א שיר של נגעים מ"ד דנגעים דכתיב (שם צא) ונגע לא יקרב באהלך ומאי דכתיב פגעים דכתיב יפול מצדך אלף ורבבה מימינך (בכנורות ובנבלים ובתופים אומר) ואומר יושב בסתר עליון וגומר עד כי אתה ה' מחסי וחוזר ואומר (שם ג) מזמור לדוד

וְהַתּוּמִים אוּנ דִיא אֵיין אוּנ זִיבְּעצִיג סַנְהֶדְרִין וִוילֶען מֶען זָאל פַאר גְרֶעסֶערִין. אוּנ זֵייא אַלֶע בַּארְפִין גֵיין אַרוּם דֶעם נַייֶעם אָרְט וָואס מֶען הֵיילִיגְט. אוּנ מֶען טְרָאגְט צְוֵויי בְּרוֹיט פוּן צְוֵויי קָרְבָּנוֹת תּוֹדָה וָואס מֶען אִיז מַקְרִיב. פוּן אֵיין קָרְבַּן תּוֹדָה אֵיין בְּרוֹיט. אוּנ פוּן אַנְדֶערִין קָרְבַּן תּוֹדָה אֵיין בְּרוֹיט. אוּנ דִיא לְוִיִּם גֵייֶען פָאר אוּים פַאר דִיא צְוֵוייא בְּרוֹיט אוּנ זִינְגֶען. אוּנ בֵּית דִין גֵייֶען אִינְטֶער דִיא צְוֵוייא בְּרוֹיטִין אוּנ דִיא צְוֵוייא תּוֹדוֹת טְרָאגְט מֶען אִינְטֶער בֵּית דִין. אוּנ אַלֶע יוּדִין גֵייֶען אִינְטֶער דִי צְוֵויי תּוֹדוֹת:

ב תַּנְיָא. מִיר הָאבֶּען גֶילֶערוּנְט אַז אֵיינֶער בְּרֵיינְגְט אַבְּהֵמָה פַאר אַעוֹלָה שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִשֵּׁה רֵיחַ נִיחוֹחַ. אוּנ אַז אֵיינֶער בְּרֵיינְגְט אַטוֹיב פַאר אַעוֹלָה שְׁטֵייט אוֹיךְ אִין פָּסוּק אִשֵּׁה רֵיחַ נִיחוֹחַ; אוּנ אַז אֵיינֶער בְּרֵיינְגְט מֶעהל אַמִנְחָה שְׁטֵייט אוֹיךְ אִין פָּסוּק אִשֵּׁה רֵיחַ נִיחוֹחַ. דֶער פָּסוּק לֶערוּנְט אוּנְז סַייא אֵיינֶער בְּרֵיינְגְט אַגְרוֹיסֶען קָרְבָּן. אוּנ סַייא אֵיינֶער בְּרֵיינְגְט אַקְלֵיינֶעם קָרְבָּן; אַז עֶר מֵיינְט נָאר פוּן גָאטְס וֶועגִין. זֶענֶען בֵּייא גָאט בֵּיידֶע גְלַייךְ:

ג אֵין. בַּיי נַאכְט הָט מֶען נִיט גִידַארְפְט בָּאהֶען דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; וָוארוּם אַבַּיֵי הָט גִזָאגְט פוּן וַואנֶעי וֵוייסֶען מִיר אַז בַּיי נַאכְט זָאל מֶען נִיט בָּאהֶען דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פְּסוּק אִין דֶעם טָאג וָוס עֶר הָט אוֹיף גִישְׁטֶעלְט דֶעם מִשְׁכָּן. בַּיי טָאג הָט מֶען אוֹיף גִישְׁטֶעלְט דֶעם מִשְׁכָּן אָבֶּער נִיט בַּיי נַאכְט:

ד תָּנוּ רַבָּנָן. דִיא רַבָּנָן הָאבִּין גִילֶערוּנְט וֶוען מֶען הָאט פַאר גְרֶעסֶערְט יְרוּשָׁלַיִם) אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין סִימָן א) הָאט מֶען גִיזוּנגֶען דֶעם קַפִּיטוּל מִזְמוֹר לְתוֹדָה. אוּנ מֶען הָאט גֶעשְׁפִּילְט מִיט כִּינוֹרוֹת אוּנ נְבָלִים אוּנ צִלְצְלִים. אוֹיף יֶעדֶער וִוינְקוּל אוּנ אוֹיף יֶעדֶער גְרוֹיסֶען שְׁטֵיין וָואס אִין יְרוּשָׁלַיִם הָאט מֶען גִיזוּנגֶען דֶעם קַפִּיטוּל אֲרוֹמִמְךָ יְיָ כִּי דִלִּיתָנִי. אוּנ מֶען הָט גִיזוּנְגֶען דֶעם קַפִּיטוּל יוֹשֵׁב בְּסֵתֶר עֶלְיוֹן. דֶעם קַפִּיטוּל רוּפְט מֶען שִׁיר שֶׁל פְּגָעִים (דֶער שִׁיר פוּן שֵׁדִים). אַנְדֶערֶע זָאגִין מֶען רוּפְט אִיהם שִׁיר שֶׁל נְגָעִים. דֶער וָואס רוּפְט דֶעם קַפִּיטוּל שִׁיר פוּן נְגָעִים. וַוייל אִין דֶעם קַפִּיטוּל שְׁטֵייט וְנֶגַע לֹא יִקְרַב בְּאָהֳלֶךָ. אוּנ דֶער וָואס רוּפְט דֶעם קַפִּיטוּל שִׁיר פוּן שֵׁדִים. וַוייל אִין דֶעם קַפִּיטוּל שְׁטֵייט פוּן דַיין לִינְקֶע זַייט וֶועט פַאלִין טוֹיזֶענְד שֵׁדִים אוּנ פוּן דַיין רֶעכְטֶע זַייט וֶועט פַאלֶען צֶעהְן טוֹיזֶענְד שֵׁדִים; אוּנ דֶעם קַפִּיטוּל יוֹשֵׁב בְּסֵתֶר

לדוד בברחו מפני אבשלום בנו עד לה' הישועה על עמך ברכתך סלה רבי יהושע בן לוי אומר להו להני קראי וגני היכי עבד הכי והא א"ר יהושע ב"ל אסור להתרפאות בדברי תורה להגן שאני ואלא כי אמר אסור בדאיכא מכה אי דאיכא מכה אסור ותו לא והתנן הלוחש על המכה אין לו חלק לעה"ב הא אתמר עלה א"ר יוחנן ברוקק שנו לפי שאין מזבירין ש"ש על הרקיקה:

יעלה טופל ופרק הומות אכניהם: להני קראי. שיר של פגעים: וגני. כשהיה הולך לישן בלילה: דהיכא מכה. ולוחש עליה ‧ קראות של תורה לכתרפאות ומקשין ואי איכא מכה אם כ הוא דקאמר בה רבי יהושע ב"ל והו לא וכא אין לו חלק לעוה"ב: כלוחש על המכה. ואומר כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך וגו': ברוקק בה. ברוקק ואח"כ לוחש: שאין מזכירין שם שמים וכו' והכא קאמר כי אני ה' רופאך: קדושת עולם. שאין אהריה היתר במות:

(דף מז ע"ב) **ה תניא** כתוב אחד אומר (במדבר ט) את משכן ה' טמא וכתוב אחד אומר (שם) כי את מקדש ה' טמא כו' ר' אלעזר אומר אם נאמר משכן למה נאמר מקדש אם נאמר מקדש למה נאמר משכן אם נאמר משכן הייתי אומר על משכן יהא חייב שנמשח בשמן המשחה אבל על מקדש לא יהא חייב לכך נאמר מקדש ואם נאמר מקדש הייתי אומר על מקדש יהא חייב שקדושתו קדושת עולם אבל

עליון זאגט מען ביז כי אתה יי מחסי. דער נאך זאגט מען דעם קאפיטול מזמור לדוד בברחו מפני אבשלום בנו ביז ליי הישועה על עמך ברכתך סלה. רבי יהושע בן לוי ווען ער פלעגט גיין שלאפען ביי נאכט פלעגט ער זאגען די פסוקים יושב בסתר עליון ביז ער איז אנשלאפען געווארען. פרעגט די גמרא פאר וואס האט רבי יהושע בן לוי אזוי גיטאהן. ער האט זיך פאר שלעפערט מיט די פסוקים. רבי יהושע בן לוי האט דאך גיזאגט מען טאר זיך ניט היילען מיט דער תורה. ענטפערט די גמרא רבי יהושע בן לוי האט ניט גיזאגט די פסוקים ער זאל קענען אנשלאפען ווערין. ער האט גיזאגט די פסוקים זייא זאלען אויף איהם בשיצען פון שדים. אונ דאס מעג מען. ווען דען האט רבי יהושע בן לוי גיזאגט אז מען טאר זיך ניט היילען מיט פסוקים. אז ער האט אמכה. פרעגט די גמרא אויב ער האט אמכה אונ ער היילט זיך מיט פסוקים זאגסטו מען טאר ניט. איז דען נאר מען טאר ניט. מיר האבען דאך גילערונט אז איינער זאגט פסוקים אויף אמכה האט ער ניט קיין עולם הבא. ענטפערט די גמרא מיר האבען דאך גילערונט רבי יוחנן האט גזאגט אז ער שפייט אוים ביי די פסוקים זאגן האט ער ניט קיין עולם הבא. ווייל מען טאר ניט דער מאנען דעם נאמען פון גאט אויף דעם אוים שפייען. אבער אז מען זאגט נאר די פסוקים אויף די מכה אונ מען שפייט ניט אוים. פאר לירט מען ניט עולם הבא. נאר מען טאר ניט:

ה תניא. מיר האבען גילערונט אין איין פסוק שטייט ער האט מטמא גיוועזן דעם משכן פון גאט. אונ אין אנדערין פסוק שטייט ער הט מטמא גיוועזן דעם מקדש פון גאט. רבי אלעזר זאגט אז אין ערשטין פסוק שטייט משכן. פאר וואס שטייט אין אנדערין פסוק מקדש. אונ אז אין אנדערין פסוק שטייט מקדש. פאר וואס שטייט אין ערשטין פסוק משכן. לאז שטיין אין ביידע פסוקים משכן אדער אין ביידע פסוקים מקדש. אז אין ביידע פסוקים וואלט גישטאנען משכן. וואלט איך זאגן אז איינער איז טמא אונ גייט אריין אין משכן איז ער חייב. ווייל דער משכן איז גיזאלבט גיווארן מיט די שמן המשחה. אבער אז אטמא גייט אריין אין מקדש איז ער ניט חייב. ווייל דער מקדש איז ניט גיזאלבט גיווארן מיט שמן המשחה. דריבער שטייט אין פסוק מקדש. צו זאגן אז אטמא גייט אריין אין מקדש איז ער אויך חייב. אונ אז אין ביידע פסוקים וואלט גישטאנען מקדש. וואלט איך זאגן אז איינער איז טמא אונ גייט אריין אין מקדש. איז ער חייב. ווייל די היילינקייט פון מקדש איז אויף אייביג. אבער אז אטמא גייט אריין אין משכן איז ער ניט חייב. ווייל די היילינקייט פון משכן איז דאך ניט גיוועזן אויף

אבל על משכן לא יהא חייב לכך נאמר משכן ולכך נאמר מקדש:

(דף יח ע"ב) ז ת"ר (ויקרא טו) והזרתם את בני ישראל מטמאתם א"ר יאשיה מכאן אזהרה לבני ישראל שיפרשו מנשותיהם סמוך לוסתן וכמה אמר רבה עונה אחת. אמר ר' יוחנן משום ר' שמעון בן יוחאי כל שאינו פורש מאשתו סמוך לוסתה אפילו הויין לו בנים כבני אהרן מתים דכתיב והזרתם את בני ישראל מטמאתם והדוה בנדתה וסמיך ליה (שם טז) אחרי מות שני בני אהרן א"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן כל הפורש מאשתו סמוך לוסתה הויין לו בנים זכרים דכתיב (שם יא) להבדיל בין הטמא ובין הטהור וסמיך ליה (שם יב) אשה כי תזריע וילדה זכר ר' יהושע בן לוי אמר הויין לו בנים ראויין להוראה דכתיב

והזרתם. והפרשתם כמו וינזרו: אזהרה לישראל וכו'. דסמיך ליה והדוה בנדתה בהוצאת עונה: עונה. כמס' נדה בפרק האשה מפרש או יום או לילה אם ראתה ביום יפרוש כל היום ואם ראתה בלילה יפרוש כל הלילה: ולהבדיל וגו'. המבדיל בין טומאה לטהרה הנך אשתו זכר:

אֵייבִּיג. דְרִיבֶּער שְׁטֵייט אִין אֵיין פָּסוּק מִשְׁכָּן אוּנ אִין אַנְדֶערְין פָּסוּק שְׁטֵייט מִקְדָּשׁ. צוּ זָאגֶן אַז דֶער מִשְׁכָּן אוּנ דֶער מִקְדָּשׁ זֶענֶען בֵּיידֶע גְלַייךְ:

ז תָּנוּ רַבָּנָן. דִי רַבָּנָן הָאבֶּען גֶילֶערְנְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִיר זָאלְט אָפּ שֵׁיידֶן דִי יוּדִין פוּן זֵייעֶר טוּמְאָה. רַבִּי יֹאשִׁיָּה זָאגְט פוּן דַאנֶען זֶענֶען דִיא יוּדִין גִיבָּאטֶען גִיוָוארֶן זֵייא זָאלֶן זִיךְ אָפּ שֵׁיידֶען פוּן זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער אֵיידֶער עֶס קוּמְט זֵייעֶר צַייט צוּ זֶעהֶן נִדָּה. וִויא פִיל שָׁעָה פְרִיעֶר זָאלֶן זֵייא זִיךְ אָפּ שֵׁיידֶן. רַבָּה זָאגְט דֶעם זֶעלְבִּיגֶען הַאלְבֶּען מֵעֵת לְעֵת. אוֹיבּ זִיא אִיז גִיוואוֹהנְט צוּ זֶעהֶן נִדָּה בַּיי נַאכְט. זָאל דֶער מַאן זִיךְ אָפּ שֵׁיידֶן פוּן אִיר בַּאלְד פוּן אָנְהֵייבּ טָאג. רַבִּי יוֹחָנָן הָאט גֶזָאגְט פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִים וֶועגִין דֶער מַאן וָואס שֵׁיידְט זִיךְ נִיט אָפּ פוּן זַיין וַוייבּ נָאךְ אֵיידֶער זִיא זֶעהט נִדָּה. אֲפִילוּ עֶר הָאט קִינְדֶער אַזוֹי וִויא דִיא קִינְדֶער פוּן אַהֲרֹן זֶענֶען גִיוֶוען וֶועלִין זֵייא אוֹיךְ שְׁטַארְבֶּען. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִיר זָאלְט אָפּ שֵׁיידֶן דִיא יוּדִין פוּן זֵייעֶר טוּמְאָה: פוּן וֶועלְכֶע טוּמְאָה. וְהַדָּוָה בְּנִדָּתָהּ. פוּן דִי דַם נִדּוֹת וָוס אַאִשָּׁה זֶעהט: נֶעבִּין דֶעם פָּסוּק שְׁטֵייט. דֶער נָאךְ וִויא דִיא צְווייא קִינְדֶער פוּן אַהֲרֹן זֶענֶען גִישְׁטָארְבֶּן. צוּ וַוייזֶען אַז מֶען אִיז נִיט אָפּ גִישֵׁיידְט פוּן אַנִּדָּה אֲפִילוּ עֶר הָאט קִינְדֶער וָואס זֶענֶען אַזוֹי פְרוּם וִויא דִיא קִינְדֶער פוּן אַהֲרֹן זֶענֶען גִיוֶוען שְׁטַארְבֶּן זֵיי אוֹיךְ. רַבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא הָאט גִזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹחָנָן וֶועגִין דֶער מַאן וָואס שֵׁיידְט זִיךְ אָפּ פוּן זַיין וַוייבּ אֵיידֶער עֶס קוּמְט דִי צַייט אִירֶע צוּ זֶעהֶן דַם נִדָּה. וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבֶּען קִינְדֶער זְכָרִים. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִיר זָאלְט אָפּ שֵׁיידֶן צְווִישֶׁען טָמֵא אוּנ טָהוֹר. אוּנ נֶעבִּין דֶעם שְׁטֵייט אִשָּׁה כִּי תַזְרִיעַ וְיָלְדָה זָכָר. צוּ זָאגֶן אַז דֶער וָואס שֵׁיידְט זִיךְ אָפּ פוּן זַיין וַוייבּ וֶוען זִיא אִיז נָאךְ טָהוֹר. וֶועט זַיין וַוייבּ הָאבֶּען אַזָכָר. רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי זָאגְט דֶער וָואס שֵׁיידְט זִיךְ אָפּ פוּן זַיין וַוייבּ אֵיידֶער עֶס קוּמְט דִי צַייט אִירֶע צוּ זֶעהֶן דַם נִדָּה. וֶועט עֶר הָאבֶּען זִיהן וָואס' וֶועלִין קֶענֶען זַיין מוֹרֶה הוֹרָאוֹת. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק לְהַבְדִּיל וּלְהוֹרוֹת. אָפּ צוּ שֵׁיידֶען אוּנ צוּ פַּסְקֶנֶן. דֶער וָואס וֶועט זַיין אָפּ גִישֵׁיידְט פוּן טוּמְאַת נִדָּה. וֶועט עֶר הָאבֶּען זִיהן וָואס וֶועלִין פַּסְקֶנֶן שְׁאֵלוֹת. רַבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא הָאט גֶזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹחָנָן וֶועגִין דֶער וָואס מַאכְט הַבְדָּלָה מוֹצָאֵי שַׁבָּת אוֹיף וַויין. וֶועט עֶר הָאבֶּען קִינְדֶער זְכָרִים. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק יַיִן וְשֵׁכָר אַל תֵּשְׁתְּ דֶער נָאךְ שְׁטֵייט לְהַבְדִּיל בֵּין הַקֹּדֶשׁ וּבֵין הַחוֹל. מֵיינְט אַזוֹי דֶער פָּסוּק אִיר זָאלְט נִיט טְרִינְקֶען קֵיין וַויין. נָאר וֶוען זָאלְט אִיר יָא וַויין טְרִינְקֶען. אַז אִיר וֶועט מַאכֶען הַבְדָּלָה צְווִישֶׁען קֹדֶשׁ אוּנ חוֹל. פוּן שַׁבָּת צוּא וָואךְ. אוּנ עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק לְהַבְדִּיל בֵּין הַטָּמֵא וּבֵין הַטָּהוֹר נֶעבִּין דֶעם שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִשָּׁה כִּי תַזְרִיעַ וְיָלְדָה זָכָר. זָאגְט אוּנְז רַבִּי יוֹחָנָן אַזוֹי וִויא לְהַבְדִּיל בֵּין הַטָּמֵא וּבֵין הַטָּהוֹר נָאז עֶר מַאכְט אַאָפְּשֵׁיידוּנְג וֶוען זַיין וַוייבּ אִיז טָמֵא אוּנ וֶוען זִיא אִיז טָהוֹר) אִיז עֶר זוֹכֶה זַיין וַוייבּ זָאל הָאבֶּען זְכָרִים. אַזוֹי לְהַבְדִּיל בֵּין הַקֹּדֶשׁ וּבֵין הַחוֹל: אַז עֶר מַאכְט הַבְדָּלָה אוֹיף וַויין פוּן שַׁבָּת צוּ וָואךְ. אִיז עֶר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין וַוייבּ זָאל הָאבֶּען זְכָרִים. רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי זָאגְט דֶער וָואס

דכתיב (שם י) להבדיל ולהורות . א"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן כל המבדיל על היין במוצאי שבתות הויין לו בנים זכרים דכתיב (שם) להבדיל בין הקדש ובין החול וכתיב התם (שם יא) להבדיל בין הטמא ובין הטהור וסמיך ליה (שם יב) אשה כי תזריע וילדה זכר ר' יהושע בן לוי אמר בנים ראויין להוראה דכתיב להבדיל ולהורות . אמר רבי בנימין בר יפת א"ר אלעזר כל המקדש את עצמו בשעת תשמיש הויין לו בנים זכרים שנאמר (שם יא) והתקדשתם והייתם קדושים וסמיך ליה אשה כי תזריע :

להבדיל ולהורות . בעמא דמתוי יין כתיב ולהבדיל בין הקדש ובין החול ובין הטמא וגו' ולהורות את בני ישראל : המקדש עצמו בתשמיש . דרך צניעות :

מאוס גבעלי דינין שיעמדו . (בעמידה) דהא קרא נמי בבעלי דינין איירי דכתיב אשר להם הריב : שלא יהא אחד עומד ואחד יושב . שלא יראה חבירו שמכבדין אותו יותר ויסתתמו דבריו :

שבועות שתים פרק שלישי

(דף כ ע"ב) **א תניא** (שמות כ) זכור (דברים ה) ושמור בדבור אחד נאמרו מה שאין הפה יכול לדבר ומה שאין אוזן יכולה לשמוע :

שבועת העדות פרק רביעי

(דף ל) **א ת"ר** (דברים יט) ועמדו שני האנשים מצוה לבעלי דינין שיעמדו א"ר יהודה שמעתי שאם רצו להושיב את שניהם מושיבין איזהו אסור שלא יהא אחד עומד ואחד יושב אחד מדבר כל צרכו ואחד אומר לו קצר דבריך :

ב ת"ר (ויקרא יט) בצדק תשפוט עמיתך שלא יהא אחד יושב ואחד עומד אחד מדבר כל צרכו

מאכט הבדלה אויף ויין איז ער זוכה צו האבען קינדער מורה הוראות . ווארום עס שטייט אין פסוק להבדיל ולהורות . דער וואס מאכט הבדלה אויף ויין וועלין זיינע קינדער קענען פסקנן שאלות . רבי בנימין בר יפת האט גזאגט פון רבי אלעזרס וועגין דער מענטש וואס איז משמש המטה מיט פרומקייט וועט ער זוכה זיין צו האבען קינדער זכרים . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק והתקדשתם והייתם קדושים נעבין דעם פסוק שטייט אשה כי תזריע וילדה זכר . אז איר וועט אייך היילינען אונ איר וועט זיין הייליג ביי דער צייט ווען אייערע ווייבער וועלין מעוברת ווערין . וועלין די ווייבער גיבארין זכרים :

פרק שלישי

א תניא . מיר האבען גילערונט דעם ווארט זכור אונ דעם ווארט שמור האט גאט ארויס גירעט מיט איין מאהל אזוי וויא איין ווארט . דיא מויל פון אמענטשין קען אזוי ניט ריידען . אונ דער אויער פון אמענטשין קען אזוי ניט הערין :

פרק רביעי

א תנו רבנן . דיא רבנן האבין גילערונט עס שטייט אין פסוק דיא צווייא מענטשין זאלען שטיין . עס איז אמצוה אז די צווייא מענטשין וואס קומען צו אדין תורה זאלען שטיין . רבי יהודה זאגט איך האב גיהערט אז בית דין ווילען דיא ביידע מענטשין זאלין זיצען מעגין זייא זיצען . וואס דען טאר מען ניט איינער זאל שטיין אונ איינער זאל זיצען . איינעם לאזט דער בית דין ריידען וויא פיל ער וויל : אונ צו איינעם זאגט ער קירץ אפ דיינע רייד אונ רייד ניט אזוי פיל . דאס טאר מען ניט :

ב תנו רבנן . דיא רבנן האבין גילערונט עס שטייט אין פסוק מיט גירעכטיגקייט זאלסטו משפטין דיין חבר . אז צווייא מענטשין קומען צו דיר אדין תורה האבין זאלסטו נישט זאגין

צרכו ואחד אומר לו קצר דבריך ד"א בצדק תשפוט עמיתך הוי דן את הב"ך לכף זכות תני רב יוסף בצדק תשפוט עם שאתך בתורה ומצות השתדל לדונו יפה: **ג רב** עולא בריה דרב עילאי הו"ל דינא קמיה דרב נחמן שלח ליה רב יוסף עולא חברנו עמית בתורה ובמצות אמר מאי שלח לי לחנופי ליה הדר אמר למישרי בתיגרא (סס ע"ב) אי נמי לשודא דדייני אמר עולא מחלוקת בבעלי דינין אבל בעדים דברי הכל בעמידה דכתיב (דברים יט) ועמדו שני האנשים אמר רב הונא מחלוקת בשעת משא ומתן אבל בשעת גמר דין דברי הכל דיינין בישיבה ובעלי דינין בעמידה דכתיב (שמות יח) וישב משה לשפוט את העם ויעמוד העם:

דביתהו

הוי דן את הבריך לכף זכות. לא בדין בעלי דינין הכתוב מדבר אלא ברואה חברו עושה דבר שאתה יכול להכריעו לצד עבירה ולצד זכות הכריעו לצד זכות ואל תחשדנו בעבירה: השתדל לדונו יפה. לקמן מפרש לה למשרי בתגריה אם באו ב' דינים לפניך ואחד מהם של ת"ת הוי פוסק אותו תחלה ופטור את זו מלפניך:

מאי שלח לי. מה מילתא: לחנופי ליה. שמא לתחניפו בתמיה: למישרי בתיגרא. כדפרישית אם בא דין אחר לפני הפסוק את זה תחלה: א"נ לשודא דדייני. יש דין שאין תלוי בראית עדים ולא בשבועה אלא במה שלב הדיינים נוטה לזכות או לחייב כגון הנך דכתובות ההוא דאמר ליה נכסי לטוביה אתו שני טוביים ואמרינן בהא שודא דייני למי שהדיין רואה שהוא ראוי לתת לו מתנה כו' אף כאן שלח לי אם הדין תלוי בשודא דדייני זה ראוי לזכותו שחכם וצדיק הוא. שודא ל' השלכה כדמתרגמינן ירה בים שדי בימא:

צוּ אֵיינֶעם עֶר זָאל זִיצֶען אוּנ דֶער אַנדֶערֶער זָאל שְׁטֵיין. אָדֶער אֵיינֶעם וֶועסטוּ לָאזֶען רֵיידֶען וִויא פִיל עֶר ווִיל אוּנ צוּם אַנדֶערֶען וֶועסטוּ זָאגִין קִירְץ אָפּ דַיינֶע רֵייד אוּנ רֵייד נִיט אַזוֹי פִיל. דָאס טָאר מֶען נִיט. אַנדֶערֶע זָאגִין דֶער פָּסוּק שְׁמוּעֶסְט נִיט פוּן אַדִין נָאר אַז אַמֶענטְשׁ זֶעהט זַיין חַבֵר הָאט גִיטְאהן אַזוֹי אַזַאךְ וָואס מֶען קֶען דָאס אָן נֶעמֶען פַאר אַעֲבֵירָה אוּנ מֶען קֶען דָם זֶעלְבִּיגֶע אָן נֶעמֶען נִישְׁט פַאר אַעֲבֵירָה. זָאלְסְטוּ מְשַׁפְּטִין דַיין חַבֵר מִיט גִירֶערְכטִיגְקֵייט אוּנ זָאלְסְט אָן נֶעמֶען אַז עֶר הָאט נִיט גִימֵיינְט צוּ טָאהן אַעֲבֵירָה. רַב יוֹסֵף הָאט גִיקְלֶערְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק בְּצֶדֶק תִּשְׁפּוֹט אֶת עֲמִיתֶךָ. מִיט גִירֶערְכטִיגְקֵייט זָאלְסְטוּ מְשַׁפְּטִין עֲמִיתֶךָ. דֶער וָוארְט עֲמִיתְךָ אִיז פִיר וֶוערְטֶער עִם שֶׁאִתְּךָ בַּתּוֹרָה וּבְמִצְוֹת. דָאס פָאלְק וָואס אִיז מִיט דִיר גְלַייךְ אִין תּוֹרָה אוּנ אִין מִצְוֹת זָאלְסְט דוּא זֶעהן זִיךְ מַטְרִיחַ זַיין אוּנ אִיהם גוּט צוּ מְשַׁפְּטִין:

ג רַב עוּלָא דֶער זוּהן פוּן רַב עִילָאִי הָאט גִיהַאט אַדִין תּוֹרָה פַאר רַב נַחְמָן. הָאט רַב יוֹסֵף גֶעשִׁיקְט צוּ רַב נַחְמָן אוּנְזֶער חַבֵר עוּלָא אִיז אוּנזֶערֶער אַחַבֵר אִין תּוֹרָה אוּנ אִין מִצְוֹת. הָאט רַב נַחְמָן גִיקְלֶערְט צוּא וָואס הָאט רַב יוֹסֵף צוּ מִיר גֶעשִׁיקְט דִיא וֶוערְטֶער אִיךְ זָאל חַנְפֶנֶן עוּלָאן. דָאס קֶען דָאךְ נִיט זַיין. רַב יוֹסֵף וֵוייסְט אַז מֶען טָאר נִיט חַנְפֶנֶן. דֶער נָאךְ הָאט רַב נַחְמָן גִיזָאגְט גֶעווִיס הָאט רַב יוֹסֵף גִימֵיינְט טָאמֶער וֶועט זַיין פַאר מִיר עֶטְלִיכֶע דִין תּוֹרוֹת זָאל אִיךְ נִיט לָאזֶען עוּלָא זָאל וַוארְטֶען. נָאר זַיין דִין תּוֹרָה זָאל אִיךְ פַּסְקְנֶן פְרִיֶער וִויא אַלֶע. אָדֶער אַזוֹי הָאט רַב יוֹסֵף גִימֵיינְט אוֹיבּ דִיא דִין תּוֹרָה פוּן עוּלָא אִיז אַקְלֶערוּנְג פוּן דַיָינִים. דִי דַיָינִים מֶעגֶען דִיא זַאךְ גֶעבִּין צוּ וֶועמֶען זֵייא ווִילֶען. זָאל אִיךְ ווִיסֶען אַז עוּלָא אִיז אַלַמְדָן אוּנ אִיךְ זָאל בֶּעסֶער גֶעבִּין צוּ עוּלָא וִויא צוּם דֶעם אַנדֶערֶען. עוּלָא זָאגְט וֶוען קְרִיגְט מֶען צוּ מֶען כוּו שְׁטֵיין צוּ מֶען מֶעג זִיצֶען. דָאס אִיז נָאר בַּייא דִיא מֶענטְשִׁין וָואס הָאבִּין דִיא דִין תּוֹרָה. אָבֶּער בַּייא דִיא עֵדוּת קְרִיגְט קֵיינֶער נִישְׁט נָאר אַלֶע הַאלְטִין אַז דִיא עֵדוּת מוּזֶען שְׁטֵיין. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִיא צְוֵייא מֶענטְשִׁין זָאלֶען שְׁטֵיין. אוּנ דֶער פָּסוּק מֵיינְט דִיא עֵדוּת. רַב הוּנָא זָאגְט וֶוען קְרִיגְט מֶען אוֹיף דִיא מֶענטְשִׁין וָואס הָאבִּין דִיא דִין תּוֹרָה אוֹיבּ זֵיי מוּזֶען שְׁטֵיין אָדֶער זֵייא מֶעגֶען זִיצֶען. דָאס אִיז נָאר וֶוען דִיא דַיָינִים קְלֶערֶען דֶעם דִין. אָבֶּער וֶוען דִיא דַיָינִים זָאגִין דֶעם פְּסַק דִין. הַאלְטֶען אַלֶע אַז דִיא דַיָינִים מוּזֶען זִיצֶען אוּנ דִיא מֶענטְשִׁין וָואס הָאבֶּען דִי דִין תּוֹרָה מוּזֶען שְׁטֵיין. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מֹשֶׁה אִיז גִיזֶעסִין צוּ מְשַׁפְּטִין דֶעם פָאלְק אוּנ דָאס פָאלְק אִיז גִישְׁטַאנֶען:

ד דביתהו דרב הונא הוה לה דינא קמיה דרב נחמן אמר היכי אעביד אי איקום מקמה מסתתמן טענתיה דבעל דינה לא איקום מקמה אשת חבר הריא כחבר א"ל לשמעיה צא ואפרח עלי בר אווזא ושדי עילואי ואקום:

ה אמר רבה בר רב הונא האי צורבא מרבנן וע"ה דאית להו דינא בהדי הדדי מותבינן ליה לצורבא מרבנן ולע"ה נמי אמרינן ליה תיב ואי קאי לית לן בה רב בר שרביא הו"ל דינא קמיה דרב פפא אותביה ואותיב נמי לבעל דיניה אתא שליחא דבי דינא בטש ביה ואוקמיה לע"ה ולא א"ל רב פפא תיב היכי עביד הכי והא מסתתמן טענתיה אמר רב פפא מימר אמר איהו הא אותבן שליחא דלא מפיים מינאי. ואמר רבה בר רב הונא האי צורבא מרבנן וע"ה דאית להו דינא בהדי הדדי לא ליקדים צורבא מרבנן וליתיב משום דמיחזי כמאן דמסדר ליה לדיניה ולא אמרן אלא דלא קביע ליה עידניה

דביתהו דרב הונא. אשתו של רב הונא: אפרח עלי בר אווזא. והעמוד ולא יבין זה שבשבילו עמדתי אלא מפני האווז שפורח ובא עלי: בטש. בעט: דלא איפייס מינאי. לא פסיקו לי טובה ואינו אוהבי: לא ליקדים וליתיב. לפני הדיין קודם שיבא בעל דינו ואפילו יושב ושותק: דמיחזי כמאן דמסדר ליה טענתיה וגורם שיתחדשו כמטעים דבריו לדיין ועובר בלא תשא שמע שוא

ד דביתהו. דיא ווייב פון רב הונא האט געהאט א דין תורה פאר רב נחמן. האט רב נחמן געזאגט וויא זאל איך טאהן. אויב איך זאל מיך אויף שטעלין פאר איר. אז דער מענטש וואס האט מיט איר דיא דין תורה וועט זעהן אז איך גיב איר כבוד; וועלין פר מאכט ווערין זיינע רייד. ער וועט שוין גאר ניט וועלין טענה. ווארום ער וועט טראכטען מיינע רייד וועט שוין דא גאר ניט העלפין. געוויס וועט מען איר אלץ גלייבען אונ מען וועט פסקנ'ן אז זיא איז גירעכט. זאל איך נישט אויף שטיין פאר איר. דיא ווייב פון א למדן דארף מען געבין כבוד אזוי ווי איר מאן דעם למדן. אזוי וויא אז רב הונא וואלט דא גיקומען וואלט איך מיך גימוזט אויף שטעלין פאר אים. אזוי מוז איך מיך אויף שטעלין פאר זיין ווייב אויך. האט רב נחמן געזאגט צוא זיין בדינטען. אז רב הונאס ווייב וועט אריין קומען זאלסטו מאכען אז א קאטשקע זאל אויף מיר ארויף פליהען. וועל איך מיך שטעלין איך זאל איר פון מיר אראפ טרייבען. אונ אין אמת וועל איך מיך ניט שטעלין וועגין דיא קאטשקע. איך וועל מיך שטעלין פאר די ווייב פון רב הונא נאר דער אנדערער וועט מיינען אז איך האב מיך גישטעלט וועגין די קאטשקע:

ה אמר. רבה בר רב הונא האט געזאגט אז א למדן האט א דין תורה מיט א עם הארץ. זעצט מען דעם למדן אויף א שטוהל: אונ צום עם הארץ זאגט מען זיץ. אונ אויב ער וויל ניט זיצען נאר ער שטייט. זאל ער שטיין. הארט מיך ניט. רב בר שרביא האט געהאט א דין תורה מיט א עם הארץ פאר רב פפא. האט רב פפא געזאגט צו רב ער זאל זיצען אונ ער האט געזאגט צום עם הארץ אויך ער זאל זיצען. זענען ביידע געזעסן. איז גיקומען דער שמש פון בית דין אונ האט אשטויס גיגעבן דעם עם הארץ אונ האט איהם גיהייסען אויף שטיין. איז דער עם הארץ גישטאנען. אונ רב פפא האט שוין נישט מער געזאגט צום עם הארץ ער זאל זיצען. פרעגט די גמרא פאר וואס האט רב פפא אזוי גיטאהן. אונ ער האט גילאזט דער עם הארץ זאל שטיין. עם וועט דאך פאר מאכט ווערין זיינע רייד. ווייל ער וועט זעהן דער למדן זיצט אונ ער מוז שטיין; וועט ער טראכטען איך האב שוין גאר נישט וואס צו טענה'ן. געוויס וועט מען אלץ גלייבען דעם למדן אונ נישט מיר. ענטפערט דיא גמרא רב פפא האט גיטראכט דער עם הארץ וועט זאגן ביי רב פפא בין איך גלייך מיט דעם למדן. ווארום ער האט מיך גיהייסען זיצען אזוי גלייך וויא ער האט גיהייסען דעם למדן זיצען; דער שמש איז מיר נישט קיין גוטער פריינד ווייל איך האב איהם גאר נישט גיגעבן. אונ וואס גיהער דער שמש צו דער דין תורה. נאך האט רבה בר רב הונא געזאגט אז א למדן מיט א עם הארץ האבען א דין תורה. זאל נישט דער למדן קומען צו בית דין פריער פאר דעם עם הארץ אונ זיצען דארט ביי בית דין. ווארום דער עם הארץ וועט

עידניה אבל אי קביע ליה עידניה לית לן בה מיטר אמר בעידניה טריד:

ו **ואמר** רבה בר רב הונא האי צורבא מרבנן דידע בסהדותא וזילא ביה מילתא למיזל לבי דיינא דזוטר מיניה לאסהודי קמיה לא ליזול אמר רב ששת בריה דרב אידי אף אנן נמי תנינא מצא שק או קופה ואין דרכו ליטול הרי זה לא יטול וה"מ בממונא אבל באיסורא (משלי כא) אין חכמה ואין תבונה ואין עצה לנגד ה' כל מקום שיש בו חלול ה' אין חולקין כבוד לרב. רב יימר הוה ידע ליה סהדותא למר זוטרא אתא לקמיה דאמימר אותבינהו לכלהו א"ל רב אשי לאמימר והאמר עולא מחלוקת בבעלי דינין אבל בעדים דברי הכל בעמידה א"ל האי עשה והאי עשה דכבוד תורה עדיף:

ז **ת"ר** מנין לדיין שלא יעשה סניגרון לדבריו ת"ל (שמות כג) מדבר שקר תרחק ומנין לדיין שלא

כדלקמן: קביע ליה עידניה. שהדיין רבו ויש לו קביעות ללמוד:

שאין דרכו ליטול. אם היה שלו: כ"ז לא יטול אין מוזהר עליו בלא תוכל להתעלם שנאמר והתעלמת פעמים שאתה מתעלם: אבל באיסורא. כגון אשה שבאה לפני ב"ד נתקדשה לינשא והתלמיד זה יודע שבעלה חי אין חכמה ותבונה לנגד ה': האי עשה. ועמדו: והאי עשה. את ה' אלהיך תירא לרבות ת"ח:

לא יעשה סניגרון לדבריו. אם דן ולבו נוקפו לומר שהוא טועה לא יחזיק דבריו להביא ראיות לסעדם שהוא בוש לחזור אלא לכל לדין יחזור

איהם חושד זיין אַז ער האָט שוין זיינע אַלע טַענות געזאָגט פאַר בית דין זייא זאָלען וויסען ווי אַזוי איהם גירעכט צו מאַכען. דאָס איז נאָר אַז דער למדן איז ניט אַתּלמיד פון דעם דיין. אָבער אַז דער למדן איז אַתּלמיד פון דעם דיין. וועט איהם דער עם הארץ ניט חושד זיין. דער עם הארץ וועט זאָגען ער איז געקומען פריער פאַר מיר ווייל ער דאַרף לערנען ביי דעם דיין:

ו ואמר. נאָך האָט רבה בר רב הונא גיזאָגט אַלמדן וואָס ווייס צו זאָגען עדות. אונ עס איז ניט שיין פאַר איהם ער זאָל גיין צו אַזעלכע דיינים וואָס קענען ווייניגער לערנען פון איהם אונ ער זאָל פאַר זייא עדות זאָגען. זאָל ער נישט גיין. רב ששת בריה דרב אידי האָט גיזאָגט מיר האָבין אויך אַזוי גילערנט. אַז איינער האָט געפונען אַזאַק אָדער אַקאָרב (אַקויבער) אונ עס איז ניט שיין פאַר איהם ער זאָל דאָס אויף הייבין, זאָל ער ניט אויף הייבין. דאָס איז נאָר אַז דיא עדות זאָגין איז אויף געלט זאַכען. אָבער אַז ער ווייס צו זאָגין עדות אָפּ צו שיידין פון אַאיסור וכמשל איין אשה זאָגט איהר מאַן איז גישטאָרבען אונ בית דין ווילען איהר מתּיר זיין צו נעמען אַמאַן. אונ דער למדן ווייס עדות צו זאָגען אַז איהר מאַן לעבט) . אויף דעם האָט שלמה המלך גיזאָגט עס איז גישטאָ קיין חכמה אונ עס איז נישטאָ קיין פאַרשטאַנדיגקייט אונ עס איז נישטאָ קיין עצה געגין גאָט. וואו עס איז דאָ אַחילול השם וועס קען גיטאָהן ווערין איין עבירה) . גיט מען נישט קיין כבוד אפילו צום גרעסטען למדן. רב יימר האָט געוואוסט עדות צו זאָגין פאַר מר זוטרא. איז ער געקומען פאַר אמימר צו זאָגין וואָס ער האָט געוואוסט. האָט אמימר גיהייסען אַלע זאָלען זיצען. האָט רב אשי גיזאָגט צו אמימר עולא האָט דאָך גיזאָגט ווען קריגט רבי יהודה מיט דיא רבנן (אין סימן א) נאָר ביי דיא מענטשין וואָס האָבען דיא דין תורה. אָבער ביי די עדות האַלטין אַלע אַז זייא מוזין שטיין. האָט אמימר גיזאָגט צו רב אשי וואָס דיא עדות מוזין שטיין איז אַמצות עשה (אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק ועמדו שני האנשים. דיא צוויא מענטשין וואָס זאָגין עדות זאָלין שטיין). אונ צוא געבין כבוד צו אַתּלמיד חכם איז אויך אַמצות עשה. דיא מצות עשה פון דער תורה וצו געבין כבוד צו אַתּלמיד חכם איז בעסער פון דיא מצות עשה פון דיא עדות זאָלין שטיין:

ז תנו רבנן. דיא רבנן האָבין גילערנט אַז אַדיין האָט גיפּסקנט אַדין אונ דאָס הארץ זיינע קלאַפּט איהם אַז ער האָט גיהאַט אַטעות. פון וואַנען ווייסין מיר אַז ער זאָל ניט זוכען פאַלשע סברות גלייך צו מאַכין זיין פסק דין. נאָר ער זאָל זיך ניט שעמען מודה צוא זיין אַז ער האָט שלעכט גיפּסקנט שטייט אין פסוק מדבר שקר תרחק. דו זאָלסט דיך דער ווייטערין פון אַפאַלשע זאַך. אונ פון וואַנען ווייסין מיר אַז אַדיין זאָל ניט זעצין געבין זיך אַתּלמיד וואָס איז

שלא ישב תלמיד בור לפניו ת"ל מדבר שקר תרחק. מנין לדיין שיודע בחברו שהוא גזלן וכן עד שיודע בחברו שהוא גזלן מנין שלא יצטרף עמו ת"ל מדבר שקר תרחק. מנין לדיין שיודע בדין שהוא מרומה שלא יאמר הואיל והעדים מעידים אחתכנו ויהא (דף נא) קולר תלוי בצואר העדים ת"ל מדבר שקר תרחק. מנין לתלמיד שיושב לפני רבו ורואה זכות לעני וחובה לעשיר שלא ישתוק ת"ל מדבר שקר תרחק. מנין לתלמיד שרואה את רבו שטועה בדין שלא יאמר אמתין לו עד שיגמרנו ואסתרנו ואבננו משלי כדי שיקרא הדין על שמו ת"ל מדבר שקר תרחק: מנין לתלמיד שא"ל רבו יודע אתה בי שאם נותנין לי מאה מנה איני מבדה מנה יש לי אצל פלוני ואין לי עליו אלא עד אחד מנין שלא יצטרף עמו ת"ל מדבר שקר תרחק האי מדבר שקר תרחק נפקא הא ודאי שקורי קא משקר ורחמנא אמר (שמות כ) לא תענה ברעך עד שקר אלא כגון דא"ל ודאי חד סהדי אית לי ותא את קום התם ולא תימא ולא מידי דהא לא מפקת מפומך שקרא אפילו הכי אסור משום שנאמר מדבר שקר תרחק. מנין לנושה בחברו מנה שלא

פירוש: לסוליא דין לאמיתו: שלא יוסיב תלמיד בור לפניו. ליסא וליהן נדין עמו שלא יטעהו: שלא יצטרף עמו. ואע"פ שהעדות אמת: מדבר שקר. שגורם לפסוק דין ע"פ שנים עדים ואין כאן אלא עד אחד: שהוא מרומה. שלמד מתוך דברי עדים שאין עדותם אמת: קולר. שלשלת כעון: ורואה זכות. ורבו התלוף: איני מבדה. משקר: וקום התם. שיהא סבור בעל דין שאתה בא להעיד ויודה אמת: ואגלגל עליו שבועה.

אַעם הָאָרֶץ. ער זאל קלערין מיט אים אדין. שטייט אין פסוק מדבר שקר תרחק. דוא זאלסט דיך דער ווייטערין פון אפאלשע זאך. אונ ווייל דער תלמיד איז אעם הארץ. ער ווייס ניט דיא דינים פון דער תורה. ער זאגט נאר דינים מיט זיין אייגענעם שכל וועט ער אראפ פירען דעם רבי ציינעם פון דיא דינים פון דער תורה ער זאל אויך פסקנן אוים ווייניגסטע דינים. אונ עס קען זיין זייא זענען פאלש. ניט ווי דיא תורה פסקת. פון וואנען ווייסין מיר אז אדיין ווייס אויף זיין חבר אדער אנדערין ביין אז ער איז אגזלן. זאל ער ניט זיצען מיט איהם צו זאמען משפטין אדין. אדער אז אעדות ווייס אויף זיין חבר וואס ער איז אויך אעדות אויף דער זאכן אז ער איז אגזלן. זאל ער ניט זאגין עדות מיט אים צו זאמען. שטייט אין פסוק מדבר שקר תרחק פון אפאלשע זאך. אדער פון אפאלשין מענטשין זאלסטו דיך דער ווייטערין. אויב אדיין ווייס אויף אדין אז ער איז פאלש. פון וואנען ווייסין מיר אז דער דיין טאר ניט זאגין ווייל דיא עדות זאגן אז עס איז אמת וועל איך פסקנן דעם דין נאך דיא רייד פון עדות אונ דיא קייט פון דיא עבירה וועט איינגען אויף דעם האלדז פון דיא עדות. שטייט אין פסוק מדבר שקר תרחק. פון אפאלשע זאך זאלסטו דיך דער ווייטערין: אויב עס איז געקומען אדין תורה פאר אדיין אריכער מיט אארעם מאן אונ אתלמיד זיצט פאר זיין רבי אונ ער זעהט אז דער ארעם מאן איז גירעכט אונ דער רייכער איז אומגירעכט. אונ דער רבי האט גיפסקת פאר קערט אז דער רייכער איז גירעכט אונ דער ארעמער איז אומגירעכט. פון וואנען ווייסען מיר אז דער תלמיד זאל ניט שווייגען. שטייט אין פסוק פון אפאלשע זאך זאלסטו דיך דער ווייטערן. אויב אתלמיד זעהט זיין רבי האט אטעות אין אדין. פון וואנען ווייסען מיר אז דער תלמיד טאר ניט זאגן איך וועל ווארטען ביז דער רבי וועט אפ פסקנן דעם גאנצן דין. דער נאך וועל איך ווייזן דעם טעות. וועט מען צו ווארפען נצו רייסען דעם פסק דין. אונ מען וועט איהם אויף דאס נייע פסקנן ווי א איך זאג: וועט דער דין גירופען ווערין אויף מיין נאמען: איך האב איהם גיפסקת. שטייט אין פסוק פון אפאלשע זאך זאלסטו זיך דער ווייטערין. דו זאלסט ניט לאזין עס זאל פאלש גיפסקת ווערין. אויב ארבי זאגט צו זיין תלמיד דוא ווייסט דאך אז אפילו מען וועט מיר געבין הונדערט מאהל הונדערט גילדין וועל איך אויך ניט זאגן קיין ליגען. זאג איך דיר אז מיר קומט פון יענעם מענטש הונדערט גילדין. אונ דוא ווייסט דאך געוויס אז דאס איז אמת. איך האב אבער אויף דעם נאר איין עדות. זיי דו נאך איין עדות. וועל איך האבען צוויי עדות. וועט מיר יענער מוזין

שלא יאמר אטעננו במאתים כדי שיודה לי במנה ויתחייב לי שבועה ואגלגל עליו שבועה ממקום אחר ת"ל מדבר שקר תרחק. מנין לנושה בחברו מנה וטענו מאתים שלא יאמר אכפרנו בב"ד ואודה לו חוץ לבית דין כדי שלא אתחייב לו שבועה ולא יגלגל עלי שבועה ממקום אחר ת"ל מדבר שקר תרחק. מנין לשלשה שנושין מנה באחד שלא יהא אחד בעל דין ושנים עדים כדי שיוציאו מנה ויחלקום ת"ל מדבר שקר

שאינו מודה לו במקצת ולהשביעו ע"י גלגול או שבועת קרקעות שאין נשבעים עליהם אלא ע"י גלגול: שלא יהא אחד בעל דין ושנים עדים. והם בעלי דין: ולבוש כמותו. שלא תגרום לנו שישא לך פנים או יסתתמו דברי שכנגדך מפני מלבושך ויאמר איך יאמינו לי בית דין על אדם חשוב כזה: מדבר שקר תרחק. וכיון שאיש ריבו מסותם מעמיד זה את שקרו: פוזמקי. כמין

בַּצָאהֶען דָאס גֶעלְט. פוּן וואַנֶען ווייסֶען מִיר אַז דֶער תַּלְמִיד טָאר נִיט זַיין קֵיין עֵדוּת מִיט יֶענֶעם עֵדוּת צוּ זָאגֶן אַז עֶס קוּמְט זַיין רֶבִּי פוּן יֶענֶעם מֶענְטְשׁ הוּנְדֶערְט גִילְדִין. שְׁטֵייט אִין פָּסוּק פוּן אַפַאלְשֶׁע זַאךְ זָאלְסְטוּ דִיךְ דֶער ווייטֶערִין. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא דָאס דַארְף אִיךְ אָפּ לֶערְנֶען פוּן דֶעם פָּסוּק דוּא זָאלְסְט דִיךְ ווייטֶערִין פוּן אַפַאלְשֶׁע זַאךְ: דָאס אַלֵיין אִיז דָאךְ אַפַאלְשֶׁע זַאךְ. אוּנ דִיא תּוֹרָה הָט דָאךְ גְזָאגְט דוּא זָאלְסְט נִישְׁט זָאגֶן אוֹיף דַיין חַבֵר פַאלְשֶׁע עֵדוּת. נָאר אַזוֹי מֵיינְט מֶען דֶער רֶבִּי הָאט גְזָאגְט צוּ זַיין תַּלְמִיד אִיךְ הָאבּ אַיין עֵדוּת אַז מִיר קוּמְט הוּנְדֶערְט גִילְדִין בַּיי אַמֶענְטְשִׁין. קוּם דוּא אוֹיךְ אוּנ ווֶעסְט שְׁטֵיין בַּיי בֵּית דִין אוּנ דוּא ווֶעסְט גָאר נִיט זָאגֶן וָוארוּם דוּא ווֶעסְט דָאךְ נִיט זָאגֶן אַלִיגֶען. נָאר דֶער וָואס אִיךְ מָאן בַּייא אִיהם אַז עֶר ווֶעט זֶעהן עֶס קוּמֶען צְווייא מֶענְטְשִׁין. ווֶעט עֶר מֵיינֶען אַז דוּא בִּיסְט אוֹיךְ אַעֵדוּת. אִיז דָא צְווייא עֵדוּת. ווֶעט עֶר זִיךְ דֶער שְׁרֶעקִין אוּנ ווֶעט מוֹדֶה זַיין. אַזוֹי טָאר מֶען אוֹיךְ נִיט. ווייל עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק פוּן אַפַאלְשֶׁע זַאךְ זָאלְסְטוּ דִיךְ דֶער ווייטֶערִין: אַז אֵיינֶער מָאנְט בַּיי זַיין חַבֵר הוּנְדֶערְט גִילְדִין. אוּנ עֶר טְרַאכְט בַּיי זִיךְ אִיךְ ווֶעל אִים מָאנֶען צְווייא הוּנְדֶערְט גִילְדִין. ווֶעט עֶר דָאךְ מִיר מוֹדֶה זַיין אוֹיף הוּנְדֶערְט גִילְדִין. ווֶעט בֵּית דִין אִיהם הֵייסֶען שְׁוֶוערִין אוֹיף דִיא אַנְדֶערֶע הוּנְדֶערְט גִילְדִין אַז זֵייא קוּמֶען מִיר נִיט. אוּנ עֶר ווֶעט שׁוֹין הַאלְטֶען בַּייא שְׁוֶוערִין ווֶעל אִיךְ אוֹיף אִיהם אַרוֹיף וַוארְפֶען נָאךְ שְׁבוּעוֹת פוּן אַזֶעלְכֶע זַאכֶען וָואס אִיצְט קֶען אִיךְ אִיהם אוֹיף זֵייא נִיט גֶעבִּין קֵיין שְׁבוּעוֹת וָוארוּם דֶער דִין אִיז אַז אֵיינֶער מָאנְט בַּייא זַיין חַבֵר גֶעלְט וָואס עֶר קֶען אִיהם אוֹיף זֵייא נִיט גֶעבִּין אַשְׁבוּעָה. אוֹיבּ עֶר מָאנְט נָאךְ עֶרְלֵיי גֶעלְט וָואס זַיין חַבֵר דַארְף יָא שְׁוֶוערִין אוֹיף זֵייא. וַוארְפְט עֶר שׁוֹין אוֹיף אִיהם אַרוֹיף יֶענֶע שְׁבוּעוֹת אוֹיךְ. דָאס הֵייסְט גִלְגוּל שְׁבוּעָה: דָאס אִיז נָאר אַז דֶער אֱמֶת אִיז עֶר דַארְף שְׁוֶוערִין. קֶען מֶען אוֹיף אִיהם אַרוֹיף וַוארְפֶען נָאךְ שְׁבוּעוֹת אוֹיךְ: אָבֶּער צוּ בְּרֵיינְגֶען זַיין חַבֵר צוּ אַשְׁבוּעָה דוּרְךְ אַפַאלְשׁ. טָאר מֶען נִיט. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק פוּן אַפַאלְשֶׁע זַאךְ זָאלְסְטוּ דִיךְ דֶער ווייטֶערִין. אוּנ אַז אֵיינֶעם קוּמְט בַּיי זַיין חַבֵר. הוּנְדֶערְט גִילְדִין (לְמָשָׁל רְאוּבֵן אִיז שׁוּלְדִיג הוּנְדֶערְט גִילְדִין צוּ שִׁמְעוֹן). הָאט שִׁמְעוֹן אִיהם גִימָאנְט צְווייא הוּנְדֶערְט גִילְדִין. פוּן וואַנֶען ווייסֶען מִיר אַז רְאוּבֵן טָאר נִיט זָאגֶן אִיךְ ווֶעל בַּיי בֵּית דִין לֵייקֶענֶען דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט. ווֶעל אִיךְ נִיט דַארְפֶען שְׁוֶוערִין. ווֶעט שִׁמְעוֹן נִיט קֶענֶען אַרוֹיף וַוארְפֶען אוֹיף מִיר אַנְדֶערֶע שְׁבוּעוֹת. אוּנ אַז מִיר וֶועלִין אַרוֹיס גֵיין פוּן בֵּית דִין ווֶעל אִיךְ אִיהם מוֹדֶה זַיין אַז אִיהם קוּמְט הוּנְדֶערְט גִילְדִין. שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דוּא זָאלְסְט דִיךְ דֶער ווייטֶערִין פוּן אַפַאלְשֶׁע זַאךְ. אוֹיבּ דְרַיי מֶענְטְשִׁין (לְמָשָׁל רְאוּבֵן שִׁמְעוֹן לֵוִי) מָאנֶען הוּנְדֶערְט גִילְדִין בַּיי אֵיינֶעם (בַּיי יְהוּדָה). אוּנ זֵייא הָאבֶּען נִישְׁט קֵיין עֵדוּת אַז זֵייא קוּמְט בַּיי יְהוּדָה הוּנְדֶערְט גִילְדִין. ווילֶען זֵייא אַזוֹי טָאהן. רְאוּבֵן ווֶעט מָאנֶען בַּיי יְהוּדָה דִיא הוּנְדֶערְט גִילְדִין. אוּנ שִׁמְעוֹן מִיט לֵוִי וֶועלִין זַיין עֵדוּת. אוּנ אַז רְאוּבֵן ווֶעט אָפּ נֶעמֶען דִיא הוּנְדֶערְט גִילְדִין וֶועלִין זֵייא זִיךְ אַלֶע דְרַיי צוּ טֵיילֶען. פוּן וואַנֶען ווייסֶען מִיר אַז מֶען טָאר נִיט אַזוֹי טָאהן: שְׁטֵייט אִין פָּסוּק פוּן אַפַאלְשֶׁע זַאךְ זָאלְסְטוּ דִיךְ דֶער ווייטֶערִין. אוֹיבּ צְווייא מֶענְטְשִׁין קוּמֶען צוּ בֵּית דִין הָאבֶּען אַדִין תּוֹרָה. אֵיינֶער גֵייט אִין צְעִרִיסֶענֶע

שקר תרחק. מנין לשנים שבאו לדין אחד לבוש סמרטוטין ואחד לבוש איצטלית בת מאה מנה שאומרים לו לבוש כמותו או הלבישהו כמותך ת"ל מדבר שקר תרחק. כי הוו אתו לקמיה דרבה בר רב הונא אמר להו שליפו פוזמקייכו וחותו לדינא. מנין לדיין שלא ישמע דברי בעל דין קודם שיבא בעל דין חברו ת"ל מדבר שקר תרחק. מנין לבעל דין שלא יטעים דבריו לדיין קודם שיבא בעל דין חברו ת"ל מדבר שקר תרחק. רב כהנא מתני מלא תשא לא תשיא. (יחזקאל יח) ואשר לא טוב עשה בתוך עמיו רב אמר זה

אנפילאות השוכים קלצנ"ס בלע"ז: לא תשא. אזהרה למקבל קרי ביה לא תשיא אזהרה לבעל דין: שמע שוא. שמטעים דבריו שלא בפני בעל דינו הינו נמי מדבר שקר: אשר לא טוב עשה. פסוק זה בספר יחזקאל: זה הבא בהרשאה. ומתעבר על ריב לא לו ובמאי הראשון נוח לו ונוח לפשרה

קליידער און איינער גייט אין זיידענע קליידער וואס זייא זענען ווערט הונדערט מאהל הונדערט גילדין; פון וואנען ווייסען מיר אז מען זאגט צו דעם רייכען אדער טוה דיך אויך אן אין צעריסענע קליידער וויא דער ארעמער גייט. אדער טוה אן דעם ארעמען אזעלכע זיידענע קליידער וויא דו גייסט; וועלין מיר אייך קענען פסקנן דיא דין תורה. שטייט אין פסוק מדבר שקר תרחק. בית דין זאלן זיך דער ווייטערין פון אפאלשע זאך. און דא קען זיין אפאלשע דין תורה. אדער דורך בית דין אדער דורך די צוויי מענטשין וואס זענען גיקומען האבען אדין תורה; דורך בית דין קען זיין אפאלשקייט; אדער זייא וועלין גירעכט מאכען דעם רייכען. ווייל זייא וועלין זאגן וויא אזוי קען זיין אזוי ארייכער מענטש זאל וועלין גזלנן אזוי אארעם מאן. געווים זאגט דער רייכער אמת; אדער זייא וועלין רחמנות האבען אויף דעם ארעמען און זייא וועלין זאגן. וויא אזוי וועט מען קענען זעהן דעם צער פון דעם ארעם מאן. ער זאל דורך אונז פאר לירען זיינע עטליכע גילדין וואס ער מאנט ביי דעם רייכען. פון וואנען וועט ער לעבין מיט זיין ווייב און קינדער. וועלין מיר בעסער זאגן אז דער ארעם מאן איז גירעכט און דער רייכער זאל איהם בצאהלען. אדער בית דין וועט ריכטיג פסקנן נאך זייערע טענות. נאר דער ארעם מאן אליין וועט ביי זיך טראכטען וועט דען בית דין מיר גלויבען וואס איך וועל זאגן. געווים וועט בית דין גלויבען דעם רייכען. זענען דאך מיינע רייד איבעריג. וועט דער ארעם מאן גאר שווייגן און ער וועט לאזין דעם רייכען טענען וואס ער וועט וועלין. וועט דער רייכער זאגן ליגען. און בית דין וועט פסקנן נאך זייערע רייד. וועט דאך זיין פאלש גיפסקנט. אז ארייכער מיט אארעמען זענען גיקומען פאר רבה בר רב הונא צוא האבען אדין תורה. האט רבה צו זייא גזאגט טוהט אויס אייערע שיך און זאקין און קומט נעבין מיר און זאגט אייערע טענות. פון וואנען ווייסען מיר אז אדיין טאר ניט הערין איינעמס טענות איידער דער אנדערער קומט. שטייט אין פסוק פון אפאלשע זאך זאלסטו דיך דער ווייטערין. און וויא באלד דעם דיין וועט אריין גיין אין דיא אוהערין דעם ערשטינס רייד. וועט ער איהם גלויבען. און דעם אנדערינס רייד וועט דער נאך גאר ניט העלפין. קען זיין אז דער דיין וועט גירעכט מאכען דעם ערשטין און עס איז פאלש. און פון וואנען ווייסען מיר אזוי וויא עס איז אסור צום דיין ער זאל הערין איינעמס רייד איידער דער אנדערער קומט. אזוי איז אסור צו דעם מענטש ער זאל דער ציילען דעם דיין זיינע טענות און זאל זייא אים געבין צו פאר שטיין איידער זיין חבר קומט. שטייט אין פסוק פון אפאלשע זאך זאלסטו דיך דער ווייטערין. און דא קען קומען עס זאל פאלש גיפסקנט ווערין (ווי פריער שטייט). רב כהנא לערונט דאס פון דעם פסוק לא תשא שמע שוא. דער דיין טאר ניט פאר נעמען קיין פאלשע רייד. און מען לייענט לא תשיא שמע שוא; דוא זאלסט ניט מאכען פאר נעמען פאלשע רייד (דוא זאלסט ניט דער ציילען פאלשע ריידן). און דאס איז געווים אז איין בעל דין איז דא אליין און זיין חבר איז ניטא מיט אים. וועט ער זאגן ליגען אויך. איז אאיסור אויף דעם בעל דין און אויף דעם דיין. עס שטייט אין פסוק דער וואס האט ניט גיטאהן אין זיין פאלק. רב זאגט דאס מיינט מען אז איינער נעמט איבער זיין

יהא מזה כאילו יכול לעבות פצרס בממון אחרים : שיש עליה עסיקין. עוררין כמו התעשקו עמו שמעוררין על המחזיק בה וזה בא וקונה אותו ובוטח על חזקו שסבור אין ערעור : חוץ מזה כו'. למלאך שהמלאכי קרא אדון שכך כתי' לפניו מיכאל בשמאלו וגבריאל מימינו ורפאל

זה הבא בהרשאה ושמואל אמר זה הלוקח שדה שיש עליה עסיקין :

(דף לה) ה משנה משביע אני עליכם וכו' באל"ף דל"ת ביו"ד ה"א בשדי בצבאות בחנון ורחום בארך אפים ברב חסד וכו' הרי אלו חייבין:

גמ' למימרא דחנון ורחום שמות נינהו ורמינהו יש שמות שנמחקין ויש שמות שאין נמחקין אלו הם שמות שאין נמחקין כגון אל אלהיך אלהיכם אהיה אשר אהיה אל"ף דל"ת ויו"ד ה"א שדי צבאות הרי אלו אין נמחקין אבל הגדול הגבור והנורא האדיר והחזק והאמיץ העזוז חנון ורחום ארך אפים ורב חסד הרי אלו נמחקין אמר אביי מתניתין במי שהוא חנון במי שהוא רחום קאמר :

(סס ע"ב) ט כל שמות האמורים בתורה באברהם קדש חוץ מזה שהוא חול שנאמר (בראשית יח) ויאמר אדני אם נא מצאתי חן בעיניך הגניה בן אחי ר' יהושע ור' אלעזר בן עזריה משום ר'

חברים הוב ער זאל זיך משפטין פון זיינעט וועגין. האט ער ניט גוט גיטאהן. ווארום אמענטש דארף זיך ניט קריגען אפרעמדע קריג. אונ מיט דעם מלוה אליין וואלט זיך דער לוה געקענט פאר גלייכען. אונ מיט דעם מענטש וואס האט איבער גינומען דעם משפט קען מען זיך ניט פאר גלייכען ווארום עס איז דאך ניט זיין געלט. אונ שמואל זאגט דאס מיינט מען אז איינער וקמשל ראובן קויפט אפעלד ופון שמעון) וואס מענטשין קריגען אויף איר. זיי זאגן די פעלד איז זייערע פון שמעון קען זיין ווארטין זיי גיקענט אוועק נעמען דיא פעלד. אבער ראובן איז אשטארקער מענטש. פר אים הט מען מורא. פון אים וועט מען זי ניט אוועק נעמען. טוהט דאך ראובן שאדין די מענטשין וואס די פעלד איז באמת זייערע:

ה משנה. משביע. אויב ראובן זאגט צו צווייא מענטשין איך בשווער אויף אייך איר זאלט קומען עדות זאגן. אונ זייא האבין גיזאגט מיר ווייסין ניט עדות צוא זאגן: אונ זייא ווייסען יא דארפין זייא ברייגען אקרבן אויף דער עבירה. אונ אז ראובן האט גיזאגט צו צוויי מענטשין איך בשווער אייך מיט דעם שם אדנ"י. אדער מיט דעם שם הוי"ה. אדער מיט דעם שם שדי. אדער מיט צבאות. אדער מיט חנון. אדער מיט רחום. אדער מיט ארך אפים. אדער מיט רב חסד. אדער מיט אנדערע נעמען וואס מען רופט אויף גאט. אונ זיי האבין גיזאגט מיר ווייסין ניט עדות צוא זאגן. אונ זיי ווייסין יא. דארפין זיי ברייננען אקרבן. פרעגט די גמרא וועלין מיר זאגין אז חנון אונ רחום זענען נעמען פון גאט. מיר האבין דאך גילערנט עס איז דא נעמען וואס מען מעג זיי אפ מעקין. אונ עס איז דא נעמען וואס מען טאר זיי ניט אפ מעקין. דאס זענען די נעמין וואס מען טאר זיי ניט אפ מעקין אל אלהיכם אהיה אשר אהיה. אדני הוי"ה שדי צבאות. אונ די נעמען מעג מען יא אפ מעקין הגדול הגבור הנורא האדיר החזק האמיץ העזוז חנון ורחום ארך אפים ורב חסד. זעהן מיר דאך אז חנון ורחום רעכענט מען ניט פון די נעמען פון גאט. האט אביי גיזאגט די משנה שטועסט אז ראובן האט גיזאגט צו די עדות איך בשווער אייך ביי דעם וואס ער איז אחנון. אדער ער האט גיזאגט איך בשווער אייך ביי דעם וואס ער איז ארחום :

ט כל אלע נעמען אדני וואס שטייען אין דער תורה ביי אברהם. זענען אלע הייליגע נאר איין אדני איז ניט הייליג. עס שטייט אין פסוק ויאמר אדני אם נא מצאתי חן בעיניך דער אדני איז ניט הייליג. ווארום דעם אדני מיינט מען ניט גאט. נאר מען מיינט דעם מלאך. אברהם האט גיזאגט צום גרעסטין מלאך אדני מיין האר. אויב איך האב גיפונען חן אין דיינע אויגין זאלסטו נישט אוועק גיין פון מיר. אונ אז דו וועסט ניט אוועק גיין. וועלין די צוויי מלאכים אויך ניט אוועק גיין. הנניה דער זוהן פון רבי יהושעס ברודער אונ רבי אלעזר בן

ר' אלעזר המודעי אמרו אף זה קדש. כמאן אזלא הא דאמר רב יהודה אמר רב גדולה הכנסת אורחים יותר מהקבלת פני שכינה כמאן כאותו הזוג. כל שמות האמורים בלוט חול חוץ מזה שהוא קדש שנאמר (שם יט) ויאמר לוט אלהם אל נא אדני הנה נא מצא עבדך חן בעיניך והגדל חסדך וגו' מי שיש בידו להמית ולהחיות זה הקב"ה. כל שמות האמורים בנבות קדש במיכה חול ר"א אומר בנבות קדש במיכה יש מהם חול ויש מהם קדש אל"ף למ"ד חול יו"ד ה"א קדש חוץ מזה שאל"ף למ"ד והוא קדש (שופטים יח) כל ימי היות בית האלהים בשילה. כל שמות האמורים בגבעת בנימין רבי אליעזר אומר חול רבי יהושע אומר קדש אמר ליה רבי אליעזר וכי מבטיח ואינו עושה א"ל ר' יהושע מה שהבטיח עשה והם לא בחנו אם

משמאלו : אף זה קדש . דכתיב לעיל מיניה וירא אליו ה' והדר כתיב והנה שלשה אנשים ואמר להקב"ה אל נא תעבור מעל עבדך המתן לי כאן עד שאכניס את האורחים : מי שיש בידו וכו' . וה"ק ויאמר לוט אלהם בתחילה אל נא יהי כן וחזר כלפי הקב"ה וא"ל אדני הנה נא מצא עבדך חן : בנבות . כתיב בהך נבות אלהים : במיכה . כגון לו בית אלהים וכגון הקדש הקדשתי הכסף לה' מידי לבני וגו' הרי הוא אסור עלי כהקדש גמורים שהם נתנם עד שאתננו מידי לבני לעשות פסל ומסכה וכן נכח ה' דרככם כלפי שכינה אמרה : אע"פ למ"ד חול . כגון לו בית אלהים את אלהי אשר עשיתי לקחתם : שמות האמורים בגבעה . וישאלו בני ישראל בה' : וכי מבטיח . שיגלינו ואינו עושה : הם לא בחנו . הם לא שאלו אלא התענה ולא

עזריה האבין געזאגט פון רבי אלעזר המודעים וועגין. דער אדני איז אויך הייליג. אברהם האט געבעטין ביי גאט ער זאל ניט אוועק גיין פון אים ביז ער וועט פאר בעטין די געסט צוא זיך זאגט די גמרא וואס רב יהודה האט געזאגט פון רבם וועגין אז עס קומען אין אשטאט פרעמדע מענטשין אונ מען נעמט זיי אריין אין אשטוב אונ מען גיט זיי עסין אונ טרינקען אונ אארט צוא שלאפין. דיא מצוה איז גרעסער ווי צו זעהן דעם פנים פין דער שכינה. דאס האט רב געזאגט ווי די צווייא תנאים חנניה אונ רבי אלעזר בן עזריה. אלע נעמען אדני וואס שטייען ביי לוט זענען ניט הייליג. נאר איין אדני איז הייליג. עס שטייט אין פסוק ויאמר לוט אליהם אל נא ולוט האט געזאגט צוא די מלאכים איך בעט אייך עס זאל ניט אזו זיין. דער נאך האט לוט געזאגט צו גאט. אדני הנה נא מצא עבדך חן בעיניך ותגדל חסדך אשר עשית עמדי להחיות את נפשי וגאט דיין קנעכט האט געפונען חן אין דיינע אויגין אונ דו האסט געטאהן מיט מיר אגרויסין חסד מיך צוא לאזין לעבין. אז לוט שמועסט פון לאזין לעבין האט ער געוויס גירעט צו גאט. וואס ער קען אמענטשין טייטין אונ לעבעדיג מאכין. אלע נעמען אלהים וואס שטייט ביי נבות זענען הייליג. אלע נעמען אלהים וואס שטייט ביי מיכה זענען ניט הייליג. רבי אלעזר זאגט אלע נעמען אלהים וואס שטייט ביי נבות זענען הייליג. אונ די נעמען פון גאט וואס שטייט ביי מיכה. אנדערע זענען ניט הייליג אונ אנדערע זענען הייליג. וויא עס שטייט אלהים איז ניט הייליג. וויא עס שטייט הוי"ה איז יא הייליג. נאר איין אלהים איז דא וואס ער איז דא וואס ער איז יא הייליג. עס שטייט אין פסוק כל ימי היות בית האלהים בשילה. אלע טעג וואס די שטוב פון גאט ודער משכן איז געוועזן אין שילה. אלע נעמען פון גאט וואס שטייט ביי גבעת בנימין. רבי אליעזר זאגט זיי זענען ניט הייליג. רבי יהושע זאגט זיי זענען יא הייליג. האט רבי אליעזר געזאגט צו רבי יהושע. עס שטייט אין פסוק וישאלו באלהים. דער נאך שטייט נאך אמאהל אונ פסוק וישאלו בהוי"ה די יודין האבין געפרעגט ביי אלהים אונ זייא האבין געפרעגט ביי הוי"ה אויב זיי זאלין גיין צו דער מלחמה מיט בנימין האט מען זיי געענטפערט זייא זאלין גיין. אז מיר וועלין זאגין אז דער אלהים אונ הוי"ה איז הייליג. זייא האבין געפרעגט ביי גאט אונ גאט האט זייא געהייסין גיין אין דער מלחמה. וועט דען גאט צו זאגין אונ וועט ניט מקיים זיין: זיי זענען דאך געהרגת געווארין אונ דער מלחמה. געוויס האבין זיי גירופין אלהים אונ הוי"ה צו די עבודה זרה. האט רבי יהושע געענטפערט דער אלהים אונ הוי"ה איז טאקי הייליג וייא האבין טאקי געפרעגט ביי גאט: אונ וואס גאט זאגט צו איז ער מקיים. זיי האבין אבער שלעכט געפרעגט. זיי האבן נאך געפרעגט אויב זיי זאלין גיין אין דער מלחמה. האט מען

אמרו החתנהו בידי : באחרונה שבחנו . באורים ותומים כי מחר אתננו בידך הסכימו לדבריהם : ומאתים לנוטרים את פריו וגו' . לרבנן הניחם ויעכבו בחורה אחד מששה שבהם : הנה מטתו חול . שהיה נבעת מאשמדאי כדאמרינן במסכת גיטין : דקטלא חד משיתא . באנגריא דעבודת המלך ובמס' חד משיתא בהולכה למלחמת הרשות קאמר : כל מלכיא האמורים בדניאל : כל מקום שנאמר שם

אם לנצות אם לנצח ובאחרונה שבהנו הכבימו על ידן שנאמר (שם כ) ופינחס בן אלעזר בן אהרן עומד לפניו בימים ההם לאמר האוסיף עוד לצאת למלחמה עם בני בנימן אחי אם אחדל וגו' . כל שלמה האמורים בשיר השירים קדש שיר לטי שהשלום שלו חוץ מזה (שה"ש ח) כרמי שלי לפני האלף לך שלמה שלמה לדידיה ומאתים לנוטרים את פריו רבנן וי"א אף זה הול (שם ג) הנה מטתו שלשלמה אף זה חול ולא מיבעיא היאך אלא הא דאמר שמואל מלכותא דקטלא חד משיתא בעלמא לא מיענשא שנאמר כרמי שלי לפני האלף לך שלמה למלכותא דרקיע ומאתים לנוטרים את פריו למלכותא דארעא שמואל לא כתנא קמא ולא כי"א אלא ה"ק וי"א

זיי גיענפערט גייט . פאר וואס האבין זיי ניט גיפרעגט וואס וועט זיין אין דער מלחמה . צוא זייא וועלין הרגען פון בנימין צוא בנימין וועט הארגנן פון זייא . צום לעצטין אז זייא האבין גיפרעגט ריכטיג וואס עס וועט זיין . אויב זיי וועלין הרגענין פון בנימין אדער בנימין וועט פון זייא הרגענין . האט מען זייא גיענטפערט אויף ריכטיג אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פינחס בן אלעזר בן אהרן איז אין די טעג גישטאנען פאר דעם ארון . האבין די יודין גיפרעגט ביי גאט מען זאל זייא זאגין אויב זייא זאלין גיין מלחמה האלטין מיט דעם שבט בנימין אדער גיין נאויב זיי וועלין נאך גיהרגת ווערין פון בנימין אדער גיין . אלע נעמען שלמה וואס שטייט אין שיר השירים . זענען הייליג . מען זאל זינגען צוא גאט וואס ער גיוועלטיגט אויף דעם שלום פון דער גאנצער וועלט . נאר איין ווארט שלמה איז ניט הייליג . ווייל דאס מיינט מען דעם מלך שלמה . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מיין ויין גארטין איז פאר מיר (גאט זאגט אלע יודין זענין מיין ויין גארטין) טויזענד גיהער צוא דיר שלמה (טויזענד יודין גיב איך צוא דיר שלמה זייא זאלין דיך בדינגען) (פון די טויזענד האט שלמה אויס געקליבען) צווייא הונדערט זייא זאלין היטען דיא פירות (פון דעם ויינגארטין) (דאס מיינט מען שלמה האט אויס געקליבען פון די טויזענד צוויי הונדערט תלמידי חכמים זיי זאלין זיצען אין בית המדרש אונ לערנען . דורך זיי וועט זיין געהיט דער ויין גארטין . די יודין) . אנדערע זאגין דער ווארט שלמה איז אויך ניט הייליג . די בעט פון שלמה זענען ארום איר גישטאנען זעכציג שטארקע מענטשין ווייל ער האט מורא גיהאט פאר דעם אשמדאי . פרעגט דיא גמרא די זאגסט אפילו דר שלמה איז אויך ניט הייליג . זעהט אויס אנדערע שלמהס פון שיר השירים זענען געווים ניט הייליג . נאר אפילו דער שלמה איז אויך ניט הייליג . מיר האבין גילערנט שמואל זאגט די מלוכה וואס הרגת זי נעמט צו איר בעדינונג) אזעקסטיל פון דער וועלט ווערט זי ניט גישטראפט . ווארום עס שטייט אין פסוק מיין וויין גארטין איז פאר מיר . טויזענד זענען צו דיר שלמה . דאס מיינט מען טויזענד זאלין גיהערין צו גאט . זיי זאלין לערנען תורה . אונ צוויי הונדערט זאלין היטען די פירות . דאס מיינט מען זייא זאלין בדינגען דעם מלך שלמה ופינף מאהל צוויי הונדערט איז דא אין טויזענד . נאך צוויי הונדערט צו ; איז זעקס מאהל צוויי הונדערט . זענן דאך די צווייא הונדערט וואס האבין בעדינט דעם מלך שלמה . אזעקסטיל) . ווי ווער וועט שמואל זאגין . ניט ווי דער ערשטער תנא . אונ ניט ווי די אנדערע . דער ערשטער תנא זאגט טויזענד צוא דיר שלמה . מיינט מען צום מלך שלמה אונ שמואל זאגט . שלמה מיינט מען גאט . אונ די אנדערע זאגין אז אלע שלמהס מיינט מען דעם מלך שלמה ניט גאט . אונ שמואל זאגט אז דעם שלמה מיינט מען גאט . ענפערט די גמרא אזוי זאגין דיא אנדערע דער שלמה פון האלף לך שלמה . איז הייליג . אונ דער שלמה פון מטתו שלשלמה איז ניט הייליג . אונ שמואל זאגט אזוי ווידי אנדערע זאגין : אלע ווערטער מלך וואס שטייט אין ספר דניאל . זענען

וי"א זה קדש וזה הוא חול דמטתו ושמואל דאמר בי"א. כל מלכיא האמורים בדניאל חול חוץ מזה שהוא קדש (דניאל ב) אנת מלכא מלך מלכיא די אלה שמיא מלכותא חסנא ותקפא ויקרא יהב לך וי"א אף זה קדש שנאמר (שם ד) מרי חלמא לשנאך ופשרה לערך למאן קאמר אי ס"ד לנבוכדנאצר קאמר שנאותיה מאן נינהו ישראל מילט קא לייט להו לישראל ות"ק סבר שונאי ישראל איכא שונאי עכו"ם ליכא :

מלך: חוץ מזה מלך מלכיא. דאילו לנבוכדנאצר קאמר לא הוה קרא ליה דניאל מלך מלכיא אלא ה"ק אנת מלכא כ"ג: מלך מלכיא דהוא אלהא דשמיא מלכותא חסנא יהב לך:

אמן בו שבועה. העונה אמן אחר שבועה כמוציא שבועה מפיו: בו קבלת דברים. האומר לחבירו ע"מ שתקיים לי תנאי כך וכך ואמר אמן קבל דבריו וחייב לקיים תנאו: בו האמנת דברים. וראוי לענות אמן על דברי תפלה ותהא באה לשון מאמן הדברים שיהא רצון שיהא אמת כן: ואמרה האשה אמן אמן. דאי לאו כמוציאה שבועה דמיא אמאי מיבדק אפילו מושבע מפי אחרים אין

(דף לו) א"ר יוסי בר' חנינא אמן בו שבועה בו קבלת דברים בו האמנת דברים בו שבועה דכתיב (במדבר ה) ואמרה האשה אמן אמן בו קבלת דברים דכתיב (דברים כז) ארור אשר לא יקים את דברי התורה הזאת לעשות אותם ואמר כל העם אמן בו האמנת דברים דכתיב (ירמיה כח) ויאמר ירמיה הנביא

ניט הייליג. ווארום מען מיינט דעם מלך נבוכדנצר. נאר דער ווארט מלך איז הייליג. אנת מלכא דניאל האט גיזאגט צו נבוכדנצר דו מלך) מלך מלכיא די אלה שמיא דער גאט וואס איז אין הימעל וואס ער איז אמלך איבער אלע מלכים) מלכותא חסנא ותקפא ויקרא יהב לך האט ער גיגעבין צוא דיר דיין קעניגרייך אונ דיין שטארקייט אונ דיין כבודו. אנדערע זאגין דער ווארט מרי איז אויך הייליג. ווארום עס שטייט אין פסוק מרי חלמא לשנאך ופשרה לערך מיין האר דער חלום זאל זיין אויף דיינע פיינד אונ דער בשיידונג פון דעם חלום זאל אויך זיין אויף דיינע פיינדו. צוא וועמען האט דניאל גיזאגט מיין האר. איך זאל זאגין ער האט דאס גיזאגט צוא נבוכדנצר. די פיינד פון נבוכדנצר זענען דאך דיא יודין. האט דניאל גיפליכט דיא יודין. געוויס האט דניאל גימיינט מיין האר אויף גאט. אונ ער האט גיזאגט צוא גאט מיין האר דער חלום אונ דער בשיידונג פון דעם חלום וואס נבוכדנצר האט גיחלומט זאל פאלין אויף דיינע פיינד. אונ די פיינד פון גאט זענען גיווען נבוכדנצר מיט זיין לאנד בבל. אונ דער ערשטער תנא זאגט אז דניאל האט גיזאגט מיין האר צוא נבוכדנצר. דער חלום מיט דעם בשיידונג זאל פאלין אויף די פיינד פון נבוכדנצר. נאר האט דען נבוכדנצר גיהאט נאר יודישע פיינד. ער האט דאך גיהאט גוישע פיינד אויך. האט דניאל גימיינט די גוישע פיינד זיינע:

י אמר. רבי יוסי ברבי חנינא האט גזאגט אז איינער זאגט צו זיין חבר איך בשווער דיך אויף דיא זאך. אונ דער חבר זאגט אמן. איז גלייך וויא דער חבר אליין וואלט גישווארין. אדער איינער זאגט צו זיין חבר איך וועל דיר געבין דיא זאך אויף דעם תנאי דו זאלסט מיר טאהן דיא זאך. אונ דער חבר ענפערט אמן. מוז שוין דער חבר מקיים זיין דעם תנאי אונ טאהן די זאך וואס מען האט פון איהם פאר לאנגט. אונ אז מען דאווינט אדער מען זאגט אברכה אונ דער חבר ענפערט אמן. מיינט ער דיא ברכה איז אמת אונ התנאי זאל אזוי מקוים ווערין. פון וואנען וייסען מיר אז מען ענפערט אמן נאך אשבועה. איז גלייך וויא מען שווערט אליין. ווארום עס שטייט אין פסוק דיא סוטה זאל זאגן אמן אמן. אונ אז עס איז ליגען ווערט זיא גישטראפט. ווייל עס איז גלייך וויא זיא וואלט אליין גישווארין: פון וואנען ווייסען מיר אז מען ענפערט אמן אויף דעם חברס תנאי. איז גלייך וויא מען וואלט אליין דיא זאך צו גזאגט. ווארום עס שטייט אין פסוק משה רבינו האט גזאגט פאר פלוכט זאל זיין דער מענטש וואס ער וועט ניט אויף שטעלין ומקיים זיין) דיא רייד פון דער תורה ער זאל זייא טאהן. הט דס גאנצע פאלק גזאגט אמן. אונ אז דיא יודין זענען ניט מקיים דיא תורה ווערין זייא גישטראפט. ווייל עס איז גלייך וויא זייא וואלטין אליין צו גזאגט מקיים צו זיין דיא תורה. פון וואנען ווייסען מיר אז מען ענפערט אמן אויף אברכה. מיינט מען התנאי זאל דיא ברכה מקוים ווערין. ווארום עס

הנביא אמן כן יעשה ה' יקים ה' את דבריך אמר רבי אלעזר לאו שבועה הן שבועה בשלמא לאו שבועה דכתיב (בראשית ט) ולא יהיה עוד המים למבול וכתיב (ישעיה נד) כי מי נח זאת לי אשר נשבעתי אלא הן שבועה מנ"ל סברא הוא מדלאו שבועה הן שבועה:

יא פיסקא המקלל עצמו וחבירו בכולן עובר בלא תעשה אמר ר' ינאי ודברי הכל עצמו דכתיב (דברים ד) השמר לך ושמור נפשך מאד וגו' כדרבי אבין א"ר אלעאי דאמר כל מקום שנאמר השמר פן ואל אינו אלא לא תעשה וחבירו דכתיב (ויקרא יט) לא תקלל חרש:

אמן שהרי לא אמרה כלום אחר שבועה ולא דמיא למשביעני פלוני שהן כופרין אחר שבועה ועונין על דבריו אין אנו יודעין לך עדות: לאו שבועה. כדמפרש ואזיל שאמר או לאו לאו תרי זימני או הן הן תרי זימני הרי הוא כשבועה מאחר שמחזיק דבריו: לא תקלל חרש ומרבינן מיניה בסנהדרין כל שהוא בעמך:

יתיב וקאמר מתני' כדתנן. רב כהנא היה שונה משנתנו כמו שהיא שנויה יככה וגו': א"ל רב יהודה: כנה. הפוך דבריך כנגד אחרים אמור יכהו שלא תקללני: ויתיב וקאמר גם אל יתצך לנצח וגו'. את המקרא הזה היה דורש שנאמר בדואג בספר תהלים: כנה: ואמור יכהו:

יב פיסקא (דברים כח) יככה ה' הוא אלה הכתובה בתורה יתיב רב כהנא קמיה דרב יהודה ויתיב וקאמר הא מתניתין כדתנן א"ל כנה יתיב ההוא מרבנן קמיה דרב כהנא ויתיב וקאמר (תהלים נב) גם אל יתצך לנצח יחתך ויסחך מאהל ושרשך

שטייט אין פסוק. ירמיה הנביא האט גזאגט אמן אזוי זאל גאט טאהן גאט זאל אויף שטעלין דיינע רייד: רבי אלעזר זאגט אז איינער זאגט ניין ניין צוויי מאהל איז דאס א שבועה. אונ אז איינער זאגט יא יא צוויי מאהל איז אויך א שבועה. זאגט די גמרא אז מען זאגט ניין איז א שבועה דאס ווייסען מיר פון פסוק עס וועט שוין נישט מער זיין די וואסער צו א מבול. דער ווארט נישט איז א שבועה. ווארום עס שטייט אין פסוק דאס איז ביי מיר וויא די וואסער פון נח. וואר שוין נישט מער זיין אויף דער וועלט. וואו האט גאט געשוואורין. וואס ער האט געזאגט דעם ווארט נישט. אבער אז מען זאגט יא איז א שבועה: פון וואנען ווייסען מיר. ענטפערט די גמרא אזוי וויא צוויי מאהל ניין איז א שבועה. איז צוויי מאהל יא אויך א שבועה:

יא פיסקא. המקלל. אז איינער פלוכט זיך אליין. אדער ער פלוכט זיין חבר. איז ער עובר אויף א לאו. רבי ינאי זאגט אלע האלטען אז ער פלוכט זיך אליין איז ער עובר אויף א לאו. ווארום עס שטייט אין פסוק השמר לך ושמור נפשך מאוד (דוא זאלסט היטען דיך אונ זאלסט היטען דיין נפש) דוא זאלסט דיך ניט פלוכין אונ רבי אבין האט געזאגט פון רבי אלעאים וועגין וואו עס שטייט דער ווארט השמר אדער דער ווארט פן אדער דער ווארט אל. איז דס א לאו. אונ אז ער פלוכט זיין חבר איז אויך א לאו אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט פלוכין א טויבען. דאס מיינט מען אלע מענטשין. נאר ווייל געווייגליך פלוכט מען ניט א מענטשין ער זאל הערין. נאר ווען ער הערט ניט. דריבער רופט איהם דער פסוק א טויבער:

יב פיסקא. אין פסוק שטייט יככה ה. גאט זאל דיך שלאגין. דאס איז די קללה וואס שטייט אין דער תורה. רב כהנא איז געזעסן פאר רב יהודה אונ האט געזאגט די משנה אזוי וויא זיא שטייט. האט רב יהודה געזאגט צו רב כהנא וואס זאגסטו צו מיר יככה ה'. ווערט אוים וויא דוא פלוכסט מיך אונ זאגסט צו מיר גאט זאל מיך שלאגען. דוא האסט געדארפט זאגען יכהו ה. גאט זאל איהם שלאגען. אמאהל איז געזעסען איינער פון די רבנן פאר רב כהנא אונ האט געזאגט דעם פסוק גם אל יתצך לנצח יחתך ויסחך מאוהל ושרשך מארץ חיים סלה וגאט זאל דיך צעשטויסען אויף אייביג ער זאל דיך פאר שניידען אונ זאל דיך אוים רייסען פון געצעלט אונ זאל דיך אוים ווארצלען פון די לעבעדיגע וועלט אויף אייביג. האט רב כהנא געזאגט צו דעם למדן אז דוא זאגסט צו מיר דעם פסוק אזוי וויא ער שטייט ווערט אוים ווי דו פלוכסט מיך. דוא דארפסט זאגן די ווערטער ניט וויא געגין מיר. נאר וויא געגין אן אנדערין. גאט זאל איהם שטויסען איהם פאר שניידען איהם אוים רייסען אונ אוים ווארצלען.

וישרש מארץ חיים סלה א"ל כנה תרתי למה לי מהו דתימא הני מילי מתניתא אבל בקראי אימא לא מכנינן קמ"ל :

כרבי חנינא בר אידי. בעלמי שבועת העדות השבע ולא השבע וכו' : אפילו חומא בכנוי . וסא דאמר רבי בשבועה האמורה בתורה : לאתפוסי חפצא . קאמר או ספר או תפילין, כאברהם דאתפסיה לאליעזר בברית מילה : דאשבע בה' אלהי השמים . ולא התפיסו חפץ : נעשה כטועה בדבר משנה . ואע"ג דלא הוי לה כמשנה משעתא דרב היא וכרי היא כדבר משנה כדאמרינן בסנהד' דטועה בדבר אמוראי חוזר ולא אמרינן מה שעשה

שבועת הדיינין פרק ששי

(דף לח ע"ב) **א היכי** משבעינן ליה א"ר יהודה אמר רב משביעין אותו בשבועה האמורה בתורה דכתיב (בראשית כד) ואשביעך בה' אלהי השמים א"ל רבינא לרב אשי כמאן כר' חנינא בר אידי דאמר בעינן שם המיוחד א"ל אפילו תימא רבנן דאמרי בכנוי ונ"ם דצריך לאתפוסי חפצא בידיה כדרבא דאמר האי דיינא דאשבע בה' אלהי השמים נעשה כמי שטעה בדבר משנה וחוזר ואמר רב פפא האי דיינא דאשבע בתפילין נעשה כמי שטעה בדבר משנה וחוזר והילכתא כותיה דרבא ולית הילכתא כוותיה דרבא דהא לא נקיט חפצא בידיה ולית הלכתא כוותיה דרב פפא דהא נקיט חפצא בידיה

פרעגט די גמרא צו וואָס דער ציילט מען צוויי מאָהל אַז מען זאָל ניט זאָגן אַקללה וואָס שטייט אין דער תורה געגען אַמענטשן . זאָגט די גמרא פון דער מעשה וואָס איז געווען רב כהנא מיט רב יהודה וואָלט איך זאָגן ווייל רב כהנא האָט געזאָגט אַברייתא . האָט ער געדאַרפט ענדערן דעם לשון עס זאָל ניט אויס זעהן וויא ער פלוכט רב יהודהן . אָבער בייא דער מעשה פון דעם למדן מיט רב כהנא וואָס דער למדן האָט געזאָגט אַפּסוק . וואָלט איך מיינען דעם לשון פון פסוק דאַרף מען ניט ענדערן . זאָגט אונז די גמרא אַז אַפילו דעם לשון פון פסוק דאַרף מען ענדערן נאָר עס זאָל ניט אויס זעהן וויא מען פלוכט יענעם מענטש :

פרק ששי

א היכי : וויא אַזוי בשווערט מען . רב יהודה זאָגט פון רבס וועגין מען בשווערט איהם מיט די שבועה וואָס שטייט אין דער תורה . אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק אַברהם האָט געזאָגט צו זיין קנעכט אֱליעזר איך בשווער דיך מיט דעם נאָמען הוי"ה וואָס ער איז דער גאָט פון הימעל . האָט רבינא געזאָגט צו רב אשי דאָס איז אַזוי וויא רבי חנינא בר אידי וואָס ער זאָגט בייא אַשבועה דאַרף מען דער מאָנען דעם ריכטיגען נאָמען פון גאָט [דעם שם הוי"ה] . האָט רב אשי געזאָגט צו רבינא מיר קענען זאָגן אַפילו וויא די רבנן וואָס זייא זאָגין מען דאַרף ניט דער מאָנען בייא אַשבועה דעם שם הוי"ה . נאָר איין אַנדער נאָמען וואָס ווערט געזאָגט אויף גאָט איז אויך גינוג . נאָר מען דאַרף האַלטען אַהייליגע זאַך אין האַנט ווען מען שווערט [אַספר אָדער תפלין] . אַזוי וויא רבא האָט געזאָגט דער דיין וואָס ער האָט איינעם בשוואָרין מיט דעם שם הוי"ה אֱלהי השמים [אונ דער וואָס האָט געשוואָרין האָט ניט געהאַלטען קיין הייליגע זאַך אין האַנט] . איז גלייך וויא דער דיין וואָלט אַטעות געהאַט אין אַזוי אַדין וואָס שטייט אין אַמשנה אַנדערש וויא ער האָט גיפּסקנת . אונ מען קען חרטה האָבען פון די שבועה אונ פון דעם פּסק דין . נאָך האָט רב פפא געזאָגט דער דיין וואָס האָט איינעם בשוואָרין אונ דער וואָס האָט געשוואָרין האָט געהאַלטען אין האַנט תפלין . איז גלייך וויא דער דיין וואָלט אַטעות געהאַט אין אַזוי אַדין וואָס שטייט אין אַמשנה אַנדערש וויא ער האָט גיפּסקנת , אונ מען קען חרטה האָבען פון די שבועה אונ פון דעם פּסק דין . אונ דער דין איז וויא רבא אַז דער וואָס שווערט דאַרף האַלטען אַהייליגע זאַך אין האַנט . אונ דער דין איז ניט וויא רב פפא וואָס ער זאָגט אַז תפלין איז ניט גינוג צו האַלטען בייא אַשבועה . נאָר תפלין איז אויך גינוג צו האַלטען בייא אַשבועה . שווערין דאַרפען מען שטייענדיג . אַתלמיד חכם שווערט זיצענדיג .

בידיה. שבועה מעומד ת"ח מיושב שבועה בספר תורה ת"ח לכתחלה בתפילין:

ב **ת"ר** שבועת הדיינין אף היא בלשונה נאמרה אומרים לו הוי יודע (דף לט) שכל העולם כולו נזדעזע בשעה שאמר הקב"ה בסיני (שמות כ) לא תשא את שם ה' אלהיך לשוא וכל עבירות שבתורה נאמר בהן ונקה וכאן נאמר לא ינקה וכל עבירות שבתורה נפרעין ממנו וכאן ממנו וממשפחתו שנאמר (קהלת ה) אל תתן את פיך לחטיא את בשרך ואין בשרו אלא קרובו שנאמר (ישעיה נח) ומבשרך לא תתעלם וכל עבירות שבתורה נפרעין ממנו וכאן ממנו ומכל העולם כולו שנאמר (הושע ד) אלה וכחש ורצוח וגנוב ואימא עד דעביד להו לכולהו לא ס"ד דכתיב (ירמיה כג) כי מפני אלה אבלה הארץ וכתיב (הושע ד) על כן תאבל הארץ ואמלל כל יושב בה וכל עבירות שבתורה אם יש לו זכות תולין לו ב' וג' דורות וכאן נפרעין ממנו לאלתר שנא' (זכריה ה) הוצאתיה נאם ה' צבאות ובאה אל בית הגנב ואל בית הנשבע בשמי לשקר ולנה בתוך ביתו וכלתו ואת

עשוי ויפלה מביהו : ת"ח . נשבע מיושב בכ"ת : ואע"ג דאוקימנא דלא כרב פפא לכתחלה מיהא כ"ת בעינן ובדורותינו בטלו הראשונים שבועה דאורייתא לפי שעונשה גדול ותקנו לגזור עליו ארור בעשרה והא המקן לעיל ארור בו שבועה : ת"ח . די לו לכתחלה בתפילין מפני כבודו : אף היא . לקמן מפרש מאי אף : בלשונה . בכל לשון שהוא מבין בו : שכל העולם נזדעזע . לקמיה בעי לה : את פיך . שבועת שקר : להביא את

װען מען שװערט דארף מען האלטען אספר תורה. אונ א תלמיד חכם איז גענוג ער זאל נאר האלטען תפלין:

ב תנו רבנן. די רבנן האבען גילערנט דיא שבועה װאס די דיינים בשװערין א מענטשין זאל מען איהם בשװערין מיט דעם לשון װאס ער פאר שטייט. ער זאל װיסען װאס ער שװערט. מען זאגט פריער צו דעם מענטשין דוא זאלסט װיסען אז דיא גאנצע װעלט האט געציטערט װען גאט האט גזאגט אויף דעם בארג סיני לא תשא את שם ה' אלהיך לשוא (דוא זאלסט ניט שװערין מיט דעם נאמען פון גאט צו פאלש). ביי אלע עבירות װאס שטייט אין דער תורה. שטייט גאט װעט דעם מענטש ריין לאזין (ער װעט איהם מוחל זיין). אונ ביי א פאלשע שבועה שטייט גאט װעט ניט ריין לאזין (ער װעט ניט מוחל זיין). אויף אלע עבירות פון דער תורה שטראפט גאט נאר דעם מענטש װאס האט גיטאהן דיא עבירה. אונ אויף א פאלשע שבועה שטראפט גאט דעם מענטש װאס האט גישװארין פאלש אונ זיין גאנצע פאמיליע. אזוי װיא עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט געבין דיין מויל (צו א פאלשע שבועה) צוא מאכען זינדיגען דיין פלייש. דיא פריינד פון מענטשין (זיין משפחה) װערין גירופען זיין פלייש. אזוי װי עס שטייט אין פסוק פון דיין פלייש (פון דיין משפחה) זאלסטו ניט פאר געסין זייא צוא העלפין. אויף אלע עבירות פון דער תורה שטראפט גאט נאר דעם מענטש װאס האט גיטאהן די עבירה; אונ אויף א פאלשע שבועה שטראפט גאט דעם מענטש װאס האט גישװארין פאלש אונ דיא גאנצע װעלט. אזוי װיא עס שטייט אין פסוק פאלש שװערין אונ לייקענען אונ מענטשין הרגנן אונ גנבנן. אויף דעם װעט טרויערין דיא װעלט. אונ דיא װאס זיצען אויף דער װעלט װעלין פאר שניטען װערין. פרעגט דיא גמרא טאמער מיינט מען אז ער טוהט די פיר אלע עבירות. שטראפט מען דיא װעלט; אבער ניט אויף פאלש שװערין אליין. זאגט דיא גמרא עס קען ניט זיין װארום עס שטייט אין פסוק פאר א פאלשע שבועה װעט טרויערין דיא װעלט. נאך שטייט אין פסוק אויף דער זאך (אויף דיא ערשטע זאך פון דיא פיר זאכען. דאס איז די פאלשע שבועה) װעט טרויערין דיא װעלט אונ עס װעט פאר שניטען װערין אלע װאס זיצען אויף דיא ערד; אויף אלע עבירות פון דער תורה. אויב דער מענטש האט מצות װארט מען איהם צװיי אדער דריא דורות. אונ אויף פאלש שװערין שטראפט מען באלד דעם זעלביגען מענטש; אזוי װיא עס שטייט אין פסוק גאט זאגט איך האב אויס גיצויגען דיא פלוכונג אונ זיא װעט קומען אין דיא שטוב פון גנב. אונ אין דיא שטוב פון דעם מענטש װאס האט גישװארין מיט מיין נאמען

ואת עציו ואת אבניו. הוצאתיה לאלת־ ובאה אל אל בית הגנב זה הגונב דעת הבריות שאין לו ממון אצל חברו וטוענו ומשביעו ואל בית הנשבע בשמי לשקר כמשמעו ולנה בתוך ביתו וכלתו ואת עציו ואת אבניו הא למדת דברים שאין אש ומים מכלין אותן שבועת שקר מכלה אותן. אם אמר איני נשבע פוטרין אותו מיד וא"ם אמר הריני נשבע העומדים שם אומרים זה לזה (במדבר טז) סורו נא מעל אהלי האנשים הרשעים האלה וכשמשביעין אותו אומרים לו הוי יודע שלא על דעתך אנו משביעין אותך אלא על דעת המקום ועל דעת ב"ד שכן מצינו במשה רבינו ע"ה כשהשביע את ישראל אמר להם דעו שלא על דעתכם

בסוכך. אלא קרובך: פוטרין אותו מיד. ואין משביעין אותו כאן שלא יחזור בו וע"כ ישלם משקבל עליו בבית דין: הרשעים. מפרש לקמיה: אלא על דעתנו. הא פריטא טעמא משום קניא דרבא בפ"ג (בגין דיהיב ליה קנה ונתן המעות לתוכו והפקידו אצלו ונשבע שהחזיר לו מעותיו ולאחר השבועה יחזור ויטלנו ועובדא הוה קמיה דרבא בסי): ולא אתכם לבדכם. כלומר לא כשאתכם במחשבה לבבכם (ולא כמו שאתם כבורים כאשר

פאלש. אונ זיא וועט נעכטיגען אין זיין שטוב אונ זיא וועט איהם פאר לענדין זיינע האלץ אונ זיינע שטיינער. איך וועל אוים ציהען דיא פלוכונג מיינט מען באלד. אונ דיא פלוכונג וועט קומען אין דיא שטוב פון גנב. דאס מיינט מען דעם מענטש וואס גינארט מענטשין אונ ער גנבת ביי זייא זייער שכל. למשל עם כומט איהם גאר ניט קיין געלט ביא דעם מענטשין: אונ ער מאנט ביי איהם געלט. אונ יענער מוז שווערין אאומזיסטע שבועה. אונ דיא פלוכונג וועט קומען אין דיא שטוב פון דעם מענטש וואס האט גישווארין מיט מיין נאמען צו פאלש. אונ זיא וועט נעכטיגען אין זיין שטוב אונ זיא וועט איהם פאר לענדין זיינע האלץ אונ זיינע שטיינער. פון דאנען לערנען מיר אז דיא זאכען וואס פייער אונ וואסער פאר לענדין ניט. אבער דיא פאלשע שבועות פאר לענדין דאס. אז בית דין האבען גיפסקנת אויף איינעם ער זאל שווערין. אונ אויב ער וועט ניט שווערין זאל ער בצאהלען אונ ער האט גזאגט איך וויל ניט שווערין. זאגן בית דין צו איהם ער זאל שוין גיין אהיים. ער זאל שוין ניט קענען חרטה האבען אונ זאגן ער וויל יא שווערין. נאר ער מוז שוין בצאהלען וויא פיל בית דין האבען גיפסקנת. אונ אויב ער האט גזאגט איך וויל שווערין. דיא מענטשין וואס שטייען דארטין זאלן זאגן איינער צום אנדערין דעם פסוק קערט אפ נגייט אוועק פון די גיצעלטין פון דיא מענטשין די רשעים. אונ איידער בית דין בשווערין איהם זאגן זיי צו איהם דו זאלסט וויסען גישט וויא דוא טראכסט צו שווערין בשווערין מיר דיך. נאר וויא גאט מיינט אונ וויא מיר בית דין מיינען ווארום עס האט אמאהל גיטראפען ראובן האט גימאנט געלט ביי שמעון: האט שמעון גזאגט צו ראובן דוא האסט מיר טאקי גיבארגט געלט נאר איך האב דיר שוין בצאהלט. זענען זייא גיקומען האבען אדין תורה ביי רבא. הט רבא גיהייסען שמעון זאל שווערין אז ער האט שוין בצאהלט. האט שמעון גימאכט אזאך אין אשטעקין אונ האט אינווייניג אריין גילייגט דאס גאנצע געלט וואס ראובן האט ביי אידם גימאנט. אונ ער האט פאר מאכט דעם שטעקין מען זאל ניט דער קענען. אונ ער איז גיקומען מיט דעם שטעקין צו בית דין. וויא שמעון האט גידארפט שווערין האט ער גזאגט צו ראובן האלט נאר דעם שטעקין ביז איך וועל אפ שווערין. אונ שמעון האט גישווארין אז ער האט אוועק גיגעבין דאס געלט צו ראובן. ווארום ראובן האט דאך גיהאלטען דעם שטעקין וואס אינווייניג איז גיווען דאס געלט. נאך דער שבועה וויא שמעון האט גיוואלט צוריק נעמען דעם שטעקין פון ראובן. איז ראובן אין כעס גיווארן אונ האט גיגעבין אקלאפ דעם שטעקין אין וואנט איז דער שטעקין צו בראכען גיווארין אונ דאס געלט איז ארויס גיפאלען. האט מען גיזעהן דעם שווינדול. פון די פאלשע שבועה. דריבער זאגן היינט בית דין מען מוז שווערין וויא בית דין טראכטען. אונ אזוי געפינען מיר ביי משה רבינו ע"ה ווען ער האט בשווארין דיא יודין האט ער גזאגט צו זייא איר זאלט וויסען איך בשווער אייך ניט וויא איר טראכט אין הארצען נאר איך בשווער

דעתכם אני משביע אתכם אלא על דעת המקום ועל דעתי שנאמר (דברים כט) ולא אתכם לבדכם וגו' כי את אשר ישנו פה אין לי אלא אותם העומדין על הר סיני דורות הבאים וגרים העתידים להתגייר מנין ת"ל (שם) ואת אשר איננו פה ואין לי אלא מצות שקבלו עליהם בהר סיני מצות העתידות להתחדש כגון מקרא מגלה מנין ת"ל (אסתר ט) קימו וקבלו קיימו מה שקבלו כבר:

נמהבבת נכבכם אלא על דעתי שהוא דעת ב"ד ולא הבא עמהם. הלמא לא תמירא מכריתות

ג **אמר** מר אומרים לו הוי יודע שכל העולם כלו נזדעזע בשעה שאמר הקב"ה (שמות כ) לא תשא את שם ה' אלהיך לשוא מ"ט אילימא משום דאתיהב בסיני עשרת הדברות נמי אתיהבו בסיני אלא משום דחמירא ומי חמירא והא תנן אלו הן קלות עשה ולא תעשה חוץ מלא תשא חמורות זו כריתות ומיתות בית דין ולא תשא עמהן אלא כדתני טעמא וכל עבירות שבתורה נאמר לא ינקה. וכל עבירות שבתורה לא נאמר בהן ולא ינקה והכתיב (שם לד) ונקה לא ינקה ההוא מיבעי ליה לכדרבי אלעזר

אַיךְ וִויא גָאט מֵיינְט אוּנ וִויא אִיךְ מֵיין. אַזוֹ וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק נִיט מִיט אַייךְ אַלֵיין מַאךְ אִיךְ דֶעם פַאר בִּינְדוּנְג נָאר מִיט דִיא אַלֶע מֶענְטְשִׁין וָואס זֶענֶען אִיצְט דָא. וֵוייסֶען מִיר אַז גָאט הָט גִימַאכְט אַפַאר בִּינְדוּנְג מִיט דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס זֶענֶען גִישְׁטַאנֶען אוֹיף דֶעם בַּארְג סִינַי. פוּן וַואנֶען וֵוייסֶען מִיר אַז גָאט הָאט גִימַאכְט אַפַאר בִּינְדוּנְג מִיט דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס וֶועלִין גִיבָּארֶן וֶוערִין אוּנ מִיט דִיא גוֹיִם וָואס וֶועלִין זִיךְ מְגַייֵר זַיין. שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט הָאט גִימַאכְט אַפַאר בִּינְדוּנְג מִיט דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס זֶענֶען נָאךְ אִיצְט נִיטָא. פוּן דַאנֶען וֵוייסֶען מִיר נָאר אַז גָאט הָאט גִימַאכְט אַפַאר בִּינְדוּנְג מִיט דִיא יוּדִין אַז יֶעדֶער יוּד מוּז הִיטֶען דִיא מִצְוֹת וָואס גָאט הָאט אִיהם גִיבָּאטֶען אוֹיף דֶעם בַּארְג סִינַי. פוּן וַואנֶען וֵוייסֶען מִיר אַז גָאט הָט גִימַאכְט אַפַאר בִּינְדוּנְג מִיט דִיא יוּדִין אֲפִילוּ אוֹיף דִיא מִצְוֹת וָואס דִיא חֲכָמִים וֶועלִין שְׁפֶּעטֶער גוֹזֵר זַיין: לְמָשָׁל אַזוֹי אַמִצְוָה וִוי דִי מְגִלָּה לֵייעֶנֶען. שְׁטֵייט אִין פָּסוּק קִיְּמוּ וְקִבְּלוּ. דִיא יוּדִין הָאבֶּען מְקַיֵּים גִיוֶועֶן דִיא מִצְוָה פוּן מְגִלָּה לֵייעֶנֶען וָוס זֵייא הָאבֶּען שׁוֹין אוֹיף זִיךְ לַאנְג מְקַבֵּל גִיוֶועֶן וֶוען זֵייא זֶענֶען נָאךְ גִישְׁטַאנֶען אוֹיף דֶעם בַּארְג סִינַי:

ג אָמַר. דֶער תַּנָא הָאט גִזָאגְט מֶען זָאגְט צוּ דֶעם וָואס וִויל שְׁוֶוערִין דוּא זָאלְסְט וִויסֶען אַז דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט הָאט גֶעצִיטֶערְט וֶוען גָאט הָאט גִזָאגְט לֹא תִשָּׂא אֶת שֵׁם ה' אֱלֹהֶיךָ לַשָּׁוְא (דוּא זָאלְסְט נִיט שְׁוֶוערִין פַאלְשׁ בַּיי דֶעם נָאמֶען פוּן גָאט). פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא פַאר וָואס הָאט דִיא וֶועלְט גֶעצִיטֶערְט בַּיי לֹא תִשָּׂא. מִיר זָאלֶען זָאגֶן וַוייל דָאס אִיז גִזָאגְט גִיוָוארִין אוֹיף דֶעם בַּארְג סִינַי. דִיא עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת זֶענֶען דָאךְ אוֹיךְ גִזָאגְט גִיוָוארִין אוֹיף דֶעם בַּארְג סִינַי. וֶועלִין מִיר זָאגֶן וַוייל לֹא תִשָּׂא אִיז אַהַארְבֶּע מִצְוָה. זִיא אִיז דָאךְ נִיט קֵיין הַארְבֶּע מִצְוָה. וָוארוּם מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט גְרִינְגֶע מִצְוֹת זֶענֶען אַמִצְוַת עֲשֵׂה אוּנ אַמִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה. אוֹיסֶער לֹא תִשָּׂא אִיז אַהַארְבֶּע מִצְוָה. הַארְבֶּע מִצְוֹת זֶענֶען דִיא מִצְוֹת וָואס אוֹיף זֵייא קוּמְט כָּרֵת אוּנ דִיא מִצְוֹת וָואס בֵּית דִין הַרְגֶת אוֹיף זֵיי. אוּנ לֹא תִשָּׂא אִיז אוֹיךְ אַהַארְבֶּע מִצְוָה: זֶעהְן מִיר דָאךְ אַז לֹא תִשָּׂא אִיז נִיט הַארְבֶּער וִויא דִיא מִצְוֹת וָואס אוֹיף זֵייא קוּמְט כָּרֵת אָדֶער מִיתָה פוּן בֵּית דִין. פַאר וָואס אוֹיף דִי מִצְוֹת פוּן כָּרֵת אָדֶער מִיתָה פוּן בֵּית דִין הָאט דִיא וֶועלְט נִיט גֶעצִיטֶערְט. אוּנ אוֹיף לֹא תִשָּׂא הָט דִיא וֶועלְט יָא גֶעצִיטֶערְט. ענְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא דֶער טַעַם אִיז וִויא דֶער תַּנָא אַלֵיין זָאגְט. אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת שְׁטֵייט אִין דֶער תּוֹרָה וְנַקֵּה: גָאט וֶועט מוֹחֵל זַיין: אוּנ אוֹיף דִיא עֲבֵירָה פוּן פַאלְשׁ שְׁוֶוערִין שְׁטֵייט לֹא יְנַקֶּה: גָאט וֶועט נִיט מוֹחֵל זַיין. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא בַּיי אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּן דֶער תּוֹרָה שְׁטֵייט נִיט אַז גָאט וֶועט נִיט מוֹחֵל זַיין. עֶס שְׁטֵייט דָאךְ וְנַקֵּה לֹא יְנַקֶּה. רֵיין לָאזִין וֶועט גָאט נִיט רֵיין לָאזִין. דָאס מֵיינְט מֶען גָאט וֶועט נִיט מוֹחֵל זַיין: עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא דֶעם וְנַקֵּה לֹא יְנַקֶּה בַּארְף מֶען אַזוֹי וִויא רַבִּי אֶלְעָזָר הָאט גִזָאגְט.

אלעזר · דתניא ר' אלעזר אומר אי אפשר לומר ונקה שכבר נאמר לא ינקה ואי אפשר לומר לא ינקה שכבר נאמר ונקה הא כיצד מנקה הוא לשבים ואינו מנקה לשאינן שבים כל עבירות שבתורה נפרעין ממנו וכאן ממנו וממשפחתו . וכל עבירות שבתורה ממשפחתו לא והכתיב (ויקרא כ) ושמתי אני את פני באיש ההוא ובמשפחתו ותניא א"ר שמעון אם הוא חטא משפחתו מה חטאה לומר לך אין לך משפחה שיש בה מוכס שאין כולם מוכסין ושיש בו לסטים שאין כולם לסטים מפני שמחפין עליו התם בדינא אחריני הכא בדינא דידיה כדתניא רבי אומר (שם) והכרתי אותו מה ת"ל לפי שנאמר ושמתי אני את פני יכול כל המשפחה כולה בהכרת ת"ל אותו אותו בהכרת ולא כל המשפחה כולה בהכרת . פיסקא . וכל עבירות שבתורה נפרעין ממנו וכו' וכל עבירות שבתורה מכל העולם לא והכתיב (שם כו) וכשלו איש באחיו איש בעון אחיו מלמד שכל ישראל ערבים זה בזה (שם ע"ב)

ומיהות כ"ד : מנקה הוא לשבים. וכאן אף לשבים לא ינקה בלא פרעון : בדינא אחרינא. כפורעשם

וָוארוּם מִיר הָאבֶּען גִילֶערנְט רַבִּי אֶלְעָזָר זָאגְט מִיר קֶענֶען נִיט זָאגֶן וְנַקֵה. אַז גָאט וֶועט רֵיין לָאזִין. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט לֹא יְנַקֶה. גָאט וֶועט נִיט רֵיין לָאזִין. אוּנ מִיר קֶענֶען נִיט זָאגֶן לֹא יְנַקֶה. גָאט וֶועט נִיט רֵיין לָאזִין. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט וְנַקֵה. גָאט וֶועט יָא רֵיין לָאזִין. וִוי הָערְ אִיז. דִיא וָואס טוּהֶען תְּשׁוּבָה וֶועט זֵייא גָאט רֵיין לָאזִין. עֶר וֶועט זֵייא מוֹחֵל זַיין. אוּנ דִי וָואס טוּהֶען נִיט קֵיין תְּשׁוּבָה. וֶועט זֵייא גָאט נִיט רֵיין לָאזִין. עֶר וֶועט זֵייא נִיט מוֹחֵל זַיין. אָבֶּער אַז מֶען שְׁוֶוערְט פַאלְשׁ אֲפִילוּ מֶען טוּהט תְּשׁוּבָה וֶועט אוֹיךְ גָאט נִיט מוֹחֵל זַיין בִּיז עֶר וֶועט דֶעם מֶענְטְשִׁין שְׁטְרָאפִין:

דֶער תַּנָא הָאט גְזָאגְט אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס שְׁטֵייט אִין דֶער תּוֹרָה שְׁטְרָאפְט מֶען נָאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס טוּהט דִיא עֲבֵירָה; אָבֶּער אוֹיף אַפַאלְשֶׁע שְׁבוּעָה שְׁטְרָאפְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גִישְׁוָוארִין דִיא פַאלְשֶׁע שְׁבוּעָה אוּנ זַיין גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת שְׁטְרָאפְט מֶען נִיט דִי מִשְׁפָּחָה פוּן דֶעם וָואס הָט גִיטָאהן דִיא עֲבֵירָה. עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין פָּסוּק גָאט זָאגְט אִיךְ וֶועל טָאהן מַיין פָּנִים צוּ שְׁטְרָאפִין דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה. אוּנ מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט רַבִּי שִׁמְעוֹן זָאגְט אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט וָואס הָאט דִיא מִשְׁפָּחָה גֶעזִינְדִיגְט. נָאר דֶער פָּסוּק זָאגְט אוּנְז אַז אִין אַמִשְׁפָּחָה אִיז דָא אַמוֹכֵס. זֶענֶען אַלֶע מוֹכְסִים. אַז אִין אַמִשְׁפָּחָה אִיז דָא אַגַזְלָן זֶענֶען אַלֶע גַזְלָנִים. וַוייל זֵייא הַאלְטֶען פַאר אִיהם זֶענֶען זֵייא אוֹיךְ אַזוֹי וְויא עֶר. דְרִיבֶּער דַארְף דִיא גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה גִישְׁטְרָאפְט ווערִין. עֶנְפֶערְט דִיא גְמָרָא בַּייא אַלֶע עֲבֵירוֹת אִיז אַזוֹי. דֶער וָואס הָאט גִיטָאהן דִיא עֲבֵירָה וֶוערְט שְׁטַארְק גִישְׁטְרָאפְט. אוּנ דִיא גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה וֶוערִין גִישְׁטְרָאפְט מִיט אַגְרִינְגֶע שְׁטְרָאף. אָבֶּער דֶער וָואס שְׁוֶוערְט פַאלְשׁ וֶוערְט גִישְׁטְרָאפְט דִיא גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה מִיט דֶער זֶעלְבִּיגֶער שְׁטְרָאף וָואס עֶר וֶוערְט גִישְׁטְרָאפְט. אַזוֹ וְויא מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט רַבִּי זָאגְט, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִיךְ וֶועל אִים פַאר שְׁנַיידִין: צוּא וָואס שְׁטֵייט דֶער פָּסוּק. וַוייל עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִיךְ וֶועל טָאהְן מַיין פָּנִים (מַיין כַּעַס) אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ אוּנ אוֹיף זַיין מִשְׁפָּחָה וָואלְט אִיךְ מֵיינֶען אַז דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה וֶועט פַארְשְׁנִיטֶען וֶוערִין. שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אוֹתוֹ אִים. אִים וֶועל אִיךְ פַארְשְׁנַיידֶען. אָבֶּער דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה וֶועל אִיךְ נִיט פַארְשְׁנַיידֶען. אִיךְ וֶועל זֵייא שְׁטְרָאפֶען מִיט אַיין אַנְדֶערְשׁ שְׁטְרָאף אַגְרִינְגֶערֶע. אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּן דֶער תּוֹרָה וֶוערְט נָאר גִישְׁטְרָאפְט דֶער וָואס טוּהט דִי עֲבֵירָה אָבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וֶוערְט נִיט גִישְׁטְרָאפְט דוּרְךְ אִים. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּן דֶער תּוֹרָה וֶוערְט נִיט גִישְׁטְרָאפְט דִיא וֶועלְט דוּרְךְ אֵיינֶעם. עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין פָּסוּק וְכָשְׁלוּ אִישׁ בְּאָחִיו. אֵיין מֶענְטְשׁ וֶועט גִישְׁטְרוֹיכֶעלְט וֶוערֶען דוּרְךְ זַיין בְּרוּדֶער. דָאס מֵיינְט מֶען אֵיין מֶענְטְשׁ וֶועט גִישְׁטְרוֹיכֶעלְט וֶוערֶען דוּרְךְ דִי זִינְד פוּן זַיין בְּרוּדֶער. דֶער פָּסוּק לֶערְנְט אוּנְז אַז אַלֶע יוּדִין מוּזֶען בַּצָאהְלִין פַאר דִי זִינְד פוּן אֵיין יוּדִין. וָוארוּם אֵיין יוּד אִיז עָרֵב פַאר דֶעם.

קלה ולא בפורענות הבא עליו : חלה על שניהם . שניהם נענשים כה שלא דקדק למסור ממונו ביד נאמן וזה לידי חילול השם :

כיסת . לשון שימה ששמו חכמים עליו שבועה כמו אם ה׳ השיתך בי :

ע"ב) התם שיש בידו למחות ולא מיחה כאי איכא בין רשעים דמשפחתו לרשעים דעלמא בין צדיקים דמשפחתו לצדיקים דעלמא הוא בשאר עבירות ברדיניה ורשעים דמשפחתו בדין חמור ורשעים דעלמא בדין הקל צדיקי דהכא והכא פטירי גבי שבועה הוא ורשעים דמשפחה בדיניה ורשעים דעלמא בדין המור וצדיקי דהכא והכא בדין הקל . [פיסקא] ואם אמר הריני נשבע העומדים שם וכו׳ בשלמא ההוא דקא משתבע דקאי באיסורא אלא ההוא דקא משבע ליה אמאי משום דתניא ר׳ שמעון בן טרפון אומר (שמות כב) שבועת ה׳ תהיה בין שניהם מלמד ששבועה חלה על שניהם :

(דף מ ע"ב) ד [פיסקא] מנה לי בידך אין לך בידי פטור אמר רב נחמן ומשביעין אותו שבועת היסת מ"ט חזקה אין אדם תובע אא"כ יש לו עליו אדרבה חזקה אין אדם מעיז פניו בפני בעל חובו אשתמוטי הוא דקא משתמיט ליה סבר

אנדערין ער זאל קיין עבירה ניט טאהן . ענפערט די גמרא דאס איז נאר ווא יענע יודין האבען אים גיקענט ווערין ער זאל קיין עבירה ניט טאהן . אונ זייא האבען אים ניט גיווערט . ווערין זיי אויך גישטראפט ; אבער ווא קיינער האט גאר ניט גיוואסט פון זיין עבירה . אדער זיי האבען אים ניט גיקענט ווערען . ווערען זייא ניט גישטראפט . זאגט די גמרא וואס איז דער חילוק צווישען די רשעים פון זיין משפחה . צו די רשעים פון דער וועלט . אונ וואס איז דער חילוק צווישען די צדיקים פון זיין משפחה . צו די צדיקים פון דער וועלט . ביי אלע עבירות ווערט גישטראפט דער וואס האט גיטאהן די עבירה מיט זיין שטראף וואס עס קומט אויף די עבירה . אונ די רשעים פון זיין משפחה ווערען אויך גישטראפט מיט אשווערע שטראף . אונ דיא רשעים פון דער וועלט ווערען גישטראפט מיט אגרינגע שטראף די צדיקים פון זיין משפחה אונ די צדיקים פון דער וועלט ווערין ניט גישטראפט . אבער ביי אפאלשע שבועה . דער וואס האט גישוואוירען פאלש ווערט גישטראפט מיט זיין דין . אונ דיא רשעים פון זיין משפחה ווערען אויך גישטראפט מיט זיין דין . אונ די רשעים פון דער וועלט ווערין גישטראפט מיט אשווערען דין . אונ די צדיקים פון דער משפחה אונ די צדיקים פון דער וועלט ווערען גישטראפט מיט אגרינגען דין . אונ אויב ער האט גיזאגט איך וועל שווערין . די וואס שטייען דארטען זאגין איינער צום אנדערין לאמיר אוועק גיין פון די גיצעלטען פון דיא מענטשין וואס זענען רשעים . פרעגט די גמרא דער וואס שווערט הייסט ארשע ווארום ער טוהט אעבירה . ער שווערט פאלש . אבער דער וואס בשווערט אים פאר וואס איז ער ארשע . ענפערט דיא גמרא ווארום מיר האבען גילערונט רבי שמעון בן טרפון זאגט עס שטייט אין פסוק די שבועה פון גאט זאל זיין צווישען ביידע . דער פסוק לערונט אונז אז דער שטראף פון די פאלשע שבועה איז אויף זיי ביידע . אויף דעם וואס שווערט אונ אויף דעם וואס בשווערט :

ד פיסקא . מנה . אז איינער האט גיזאגט צוא זיין חבר דוא ביזט מיר שולדיג הונדערט גילדען . אונ דער חבר זאגט עס איז ליגען . עס קומט דיר גאר ניט . זאגט רב נחמן דיא רבנן האבען גיפסקנת ער זאל שווערין אז ער איז ניט שולדיג . פאר וואס . ווארום עס איז געוויס אז אמענטש מאנט ניט אז אים קומט ניט . אונ אז ער מאנט יא געוויס קומט אים פרעגט דיא גמרא עס איז דאך אבער געוויס אז אמענטש איז שולדיג געלט האט ער ניט קיין העזה געגין זיין בעל חוב צוא זאגין אים אין די אויגין איך בין דיר גיט שולדיג . אונ אז דער מענטש זאגט יא צוא זיין חבר איך בין דיר ניט שולדיג . געוויס איז אזוי אמת אז ער איז ניט שולדיג . ענפערט דיא גמרא עס קען זיין דער מענטש מיינט גאר ניט צו לייקענען ניט צוא בצאהלין . ער וויל יא בצאהלין נאר א צט האט ער קיין געלט ניט . טראכט ער זיך אז איך וועל אים שוין

סבר עד דהוו לי ופרענה ליה :

(דף מא ע"ב) **ה ההוא** דא"ל לחבריה הב לי מאה זוזי דמסיקנא בך א"ל לא פרעתיך בפני פלוני ופלוני אתו פלוני ופלוני אמרו לא היו דברים מעולם סבר רב ששת למימר הוחזק כפרן א"ל רבא כל מילתא דלא רמיא עליה דאיניש לאו אדעתיה :

[דמסיקנא בך. שאני מסה בך : לא היו דברים מעולם לא פרע לפנינו וזה אומר או בפניהם או שלא בפניהם פרעתיך : הוחזק כפרן. והיינו נאמן אפילו בשבועה לומר פרעתיך שלא בפניהם שהרי אמר פרעתיך בפניהם ונמצא שקרן : כל מילתא דלא רמיא עליה דאינש. כגון זה שלא היה לו לומר פרעתיך בעדים שלא אמר לו זה בשעת הלואה בעדים פרע לי הילכך לא שם לבו לזכור אם בעדים פרע אם שלא בעדים ואמר בעדים פרעתיך ולאו אדעתיה והיינו מוחזק כפרן בכך] :

דקטיל ושדי. שנקצץ הדקל ומושלך לארץ : דגויס. אומר לעשות דבר גוזמא ושגעון והיינו עושה :

כל הנשבעין פרק שביעי

(דף מו) **א א"ר** נחמן האי מאן דנקיט נרגא בידיה ואמר אזיל ואיקטליה לדיקלא דפלניא ואשתכח דקטיל ושדי לא אמרינן דהוא קטליה אלמא עביד איניש דגוזים ולא עביד :

תניא

מודה זיין אז אים קומט געלט. וועל איך אים באלד מוזין בצאהלין. דריבער וועל איך דער ווייל בייקענען. וועט ער מיך שוין ניט מאנען און ווען איך וועל נאר האבען געלט וועל איך אים בצאהלין. און עס קען אבער אמאהל טרעפין ווייל ער וועט שוין האבען געלייקנט. וועט ער שוין טאקי ניט בצאהלען. דריבער האבן דיא רבנן גיפסקנט אז ער מוז שווערין :

ה ההוא. איינער האט אמאהל גיזאגט צוא זיין חבר גיב מיר דיא הונדערט גילדען וואס איך מאהן ביי דיר. האט דער חבר גיזאגט גידיינקסטו דען ניט אז איך האב דיר בצאהלט. און די צוויי מענטשין ראובן און שמעון האבען גיזעהן וויא איך האב דיר בצאהלט. איז גיקומען ראובן און שמעון און האבין גיזאגט מיר ווייסין נאר ניט וואס צו זאגין. מיר האבען קיין מאהל ניט גיזעהן ער זאל בצאהלין וועמען געלט. און דער חבר זאגט איצט איך וויים געווים אז צווייא מענטשין זענען גישטאנען דער ביי ווי איך האב דיר בצאהלט. מיר האט גידאכט אז דאס איז גיוועזן ראובן און שמעון. אז זיי זאגין זיי זענען ניט גיוועזן דער ביי. זענען דאס גיוועזן אנדערע צוויי מענטשין נאר איך גידיינק ניט ווער: האט רב ששת גיוואלט זאגין דער מענטש איז שוין אליגנער: אפילו ער וועט שווערין אז ער האט בצאהלט גלויב איך אים אויך ניט. האט רבא גיזאגט צו רב ששת יעדער זאך וואס א מענטש האט ניט נייטיג דאס צוא וויסען. נעמט ער דאס ניט אריין אין די גידאנקען ער זאל דאס גידיינקען. ווייל דער מענטש האט ניט גיהאט נייטיג ער זאל אים בצאהלען פאר עדות. דריבער האט ער ניט גינומען אין דיא גידאנקען צוא גידיינקען ריכטיג ווער די עדות זענען גיוועזן. אבער עס קען זיין עס איז אמת אז ער האט טאקי בצאהלט פאר עדות. און ער איז גאר ניט קיין ליגנער. דריבער דארף ער שווערין און מיט א שבועה וועט מען אים גלויבין :

פרק שביעי

א אמר. רב נחמן האט גיזאגט אז א מענטש ולמשל ראובן האט גיהאלטין א האק אין האנט. און ער האט גיזאגט איך וועל גיין אפ האקין שמעונ'ס בוים. דער נאך האט מען גיפונען אז שמעונ'ס בוים ליגט אפ גיהאקט. און מען ווייס ניט ווער עס האט אים אפ גיהאקט. זאגט שמעון ווייל ראובן האט גיזאגט ער וועט אפ האקען מיין בוים. געווים האט ער אים טאקי אפ גיהאקט. דארף ער מיר בצאהלען. זאגין מיר ניט אז געווים האט ראובן אפ גיהאקט. ווארום א מאל זאגט א מענטש א זאך און ער טוהט ניט. און עס קען זיין אז אנדערער האט דעם בוים אפ גיהאקט ניט ראובן :

(דף מז ע"ב) **ב תניא** (ר') שמעון בן טרפון אומר (שמות כב) שבועת ה' תהית בין שניהם וגו' מלמד שהשבועה חלה על שניהם (ר') שמעון בן טרפון אומר אזהרה לעוקב אחר נואף מנין ת"ל (שם כ) לא תנאף לא תנאיף (דברים א) ותרגנו באהליכם (ר') שמעון בן טרפון אומר תרתם וגיניתם באהלו של מקום (שם) עד הנהר הגדול נהר פרת (ר') שמעון בן טרפון אומר קרב לגבי דהינא ואידהן דבי רבי ישמעאל תנא עבד מלך כמלך:

ולמה

לעוקב אחר המנאף. כשבא לו אף טרופוס להרגיל לו נשים לניאוף: תרתם. את הארץ: וגיניתם. את המקום שהשכין את שכינתו ביניכם: קרב לגבי דהינא ואידהן. אם נוגע במשוח בשמן הזה נ"כ מבוסם בנגיעתו כלו' פרת הוא קטן מג' נהרות שהוא מנוי אחרים לבסוף והנהר הרביעי הוא פרת וכאן הוא קורא אותו נהר גדול בשביל שהוא מוכר כאן על שם א"י שהיא החשובה נזכר גם הוא בחשיבות: דהינא. לשון שמן ומשיחה. הודשנה מחלב מתורגם אתדהינת:

ב תַּנְיָא. מִיר הָאבֶּען גֶילֶערוּנְט רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן טַרְפוֹן זָאגְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִּיא שְׁבוּעָה פוּן גָאט זָאל זַיין צְווִישֶׁען זֵייא בֵּיידֶע. דֶער פָּסוּק לֶערוּנְט אוּנְז אַז דֶער שְׁטְרָאף פוּן אַפַאלְשֶׁע שְׁבוּעָה קוּמְט אוֹיף בֵּיידֶע. אוֹיף דֶעם וָואס שְׁוֶוערְט אוּנ אוֹיף דֶעם וָואס בַּשְׁוֶוערְט. נָאךְ הָאט רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן טַרְפוֹן גְזָאגְט וואו הָאט דִיא תּוֹרָה פַּאר בָּאטֶען אַז אַמֶענְטְשׁ זָאל נִיט בְּרֵיינְגֶען אַאִשָּׁה צוּ זַיין חַבֵרְ׳עֶר זָאל מִיט אִיר מְזַנֶה זַיין. שְׁטֵייט אִין פָּסוּק לֹא תִנְאָף. לֵייעֶנְן מִיר לֹא תַנְאִף. דוּא זָאלְסְט נִיט בְּרֵיינְגֶען דַיין חָבֵר צוּם מְזַנֶה זַיין. נָאךְ הָאט רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן טַרְפוֹן גְזָאגְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וַתֵּרָגְנוּ בְּאָהֳלֵיכֶם. וָואס אִיז דֶער טַייטְשׁ וַתֵּרָגְנוּ. דָאס אִיז צְווֵייא וֶוערְטֶער. תַּרְתֶּם וְגִינִיתֶם. אִיר הָאט אוֹיס גְשְׁפִּיעֶן דִיא לַאנְד אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּנ אִיר הָאט פַאר מִיאוּסְט דֶעם אָרְט וָואס גָאט הָאט דָארְט גִיוָואוּנְט כַאבֶען זַיין גִיצֶעלְט דָארְט זָאל רוּהֶען זַיין שְׁכִינָה צְווִישֶׁען אַייךְ. עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק בִּיז צוּם גְרוֹיסֶען טַייךְ דֶער טַייךְ פְּרָת. אִיז דֶען פְּרָת אַגְרוֹיסֶער טַייךְ. זָאגְט רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן טַרְפוֹן מֶען מֵיינְט נִיט דֶער פְּרָת אִיז גְרוֹיס וַוייל עֶר פַאר נֶעמְט אַגְרוֹיסֶע שְׁטִיק פְּלַאץ. נָאר מֶען מֵיינְט דֶער פְּרָת אִיז גְרוֹיס אִין חֲשִׁיבוּת. וַוייל עֶר אִיז נֶעבִּין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אַזוֹי וִויא מֶען זָאגְט גִינֶען נֶעבִּין אַגִיזַאלְבְּטִין מִיט שְׁמֶעקֶעדִיגֶע בְּוֹימאֵייל. וֶועט פוּן דִיר אוֹיךְ שְׁמֶעקְין. דְבֵי רַבִּי יִשְׁמָעֵאל זָאגְט אַיין אַנְדֶער מָשָׁל דֶער קְנֶעכְט פוּן אַמֶלֶךְ אִיז אוֹיךְ אַמֶלֶךְ:

סליק מסכת שבועות

(דף כ משנה ד) **א ולמה** מזכירין את דברי שמאי והלל לבטלה ללמד לדורות הבאים שלא יהא אדם עומד על דבריו שהרי אבות העולם לא עמדו על דבריהם:

(משנה ה) **ב ולמה** מזכירין דברי היחיד בין המרובין הואיל ואין הלכה אלא כדברי המרובים שאם יראה בית דין את דברי היחיד ויסמוך עליו שאין בית דין יכול לבטל דברי ב"ד חבירו עד שיהיה גדול ממנו בחכמה ובמנין היה גדול ממנו בחכמה אבל לא במנין במנין אבל לא בחכמה אינו יכול לבטל דבריו עד שיהיה גדול ממנו בחכמה ובמנין:

אמ

מאחר. שהחכמים אמרו בקצת מקומות לא כדברי זה ולא כדברי זה: למה הזכירו דברי שמאי והלל לבטלה. ישנה כמו שקיימו חכמים ולמה הזכירו המחלוקת: שלא יהא אדם עומד על דבורו. כלומר שלא יפצור לקיים סברתו ויעמוד בה ויודיעוהו שישנה סברתו כי אבות העולם הם שמאי והלל נדחו דבריהם ולא עמדו חכמים על דבריהם כמו שקדם:

כוונת הלכה זו שאם עשו ב"ד מעשה כמאמר יחיד אין ב"ד אחר יכול לחלוק עליו ולפסוק הדין לפי סברת הרבים אלא א"כ המנין זה הב"ד יותר מהמנין הראשון אשר עשו לפי סברת היחיד וגדול בחכמה ממנו ר"ל שיהיה ראש ישיבת זה הב"ד יותר חכם מראש ישיבת הב"ד הא' עכ"ל הרמב"ם ז"ל בפירושו:

פרק ראשון

א ולמה. אז דער דין איז ניט וויא שמאי אונ ניט וויא הלל, צו וואס דער מאנט מען אומזיסט זייערע רייד. זאל דיא משנה נאר זאגין וואס דיא חכמים האבען גזאגט. נאר דיא משנה וויל לערנען מוסר צו דיא מענטשין וואס וועלין געבארין ווערין אויף דער וועלט. אז א מענטש זאל ניט בלייבען ביי זיינע רייד. אז אנדערע מענטשין זאגין עס איז ניט וויא ער זאגט. זאל ער מודה זיין צו זייא אונ זאל אן נעמען זייערע רייד. ווארום שמאי אונ הלל וואס זענען גיוועזן דיא פאטערס (דיא גרויסע לייט) פון דער וועלט זענען אויך ניט געבליבען ביי זייערע רייד. נאר זייא האבען מבטל גיוועזן זייערע רייד אונ האבען אן גינומען דיא רייד פון דיא צוויי וועבערס:

ב ולמה, צו וואס דער מאנט מען דיא רייד פון איין תנא צווישען דיא רייד פון פיל תנאים. אז דער דין איז ניט וויא דער איין תנא זאגט. נאר וויא דיא פיל תנאים זאגן. דארף מען דאך גאר ניט דער ציילען וואס דער איין תנא זאגט. ענטפערט דיא משנה דריבער שטייט די רייד פון איין תנא. טאמער וועט אמאהל גיפעלין צו בית דין דיא רייד פון איין תנא. וועלין זיי פסקנען וויא ער זאגט. אונ אז מען וועט נאר איין מאהל פסקנען וויא דער איין תנא. וועט שוין אזוי בלייבן אויף אייביג. ווארום איין בית דין קען ניט מבטל זיין דעם דין וואס דער פריערדיגער בית דין האט גיפסקנט. סיידין דער גרעסטער פון דעם אנדערין בית דין זאל זיין אגרעסערער למדן פאר דעם גרעסטין פון דעם ערשטין בית דין. אונ דיא תלמידים זיינע זאלין זיין מער וויא דיא תלמידים פון דעם גרעסטין פון דעם ערשטין בית דין. אבער אז דער גרעסטער פון דעם אנדערין בית דין איז אגרעסערער למדן וויא דער גרעסטער פון דעם ערשטין בית דין איז גיוועזן. נאר דיא תלמידים פון דעם גרעסטען פון ערשטין בית דין זענען מער וויא דיא תלמידים פון דעם גרעסטין פון דעם אנדערין בית דין. אדער דיא תלמידים פון דעם גרעסטין פון אנדערין בית דין. זענען מער וויא דיא תלמידים פון דעם גרעסטין פון דעם ערשטין בית דין זענען גיוועזן. נאר דער גרעסטער פון דעם ערשטין בית דין איז גיוועזן אגרעסערער למדן וויא דער גרעסערער פון דעם אנדערין בית דין. קען ניט דער אנדערער בית דין מבטל זיין דיא רייד פון ערשטין בית דין. סיידין דער גרעסטער פון דעם אנדערין בית דין זאל זיין אגרעסערער למדן פאר דעם גרעסטין פון דעם ערשטין בית דין. אונ דיא תלמידים זיינע זאלין זיין מער ווי דיא תלמידים פון דעם גרעסטין פון דעם ערשטין בית דין. אונ ווער קען דאס וויסען אויב דער אנדערער בית דין איז גרעסער וויא דער ערשטער אדער ניין. דריבער בלייבט אייביג דער דין וויא דער פריערדיגער בית דין פסקנט. אונ אז דעם פריערדיגען בית דין גיפעלט

(משנה ו) **ג אמר** ר' יהודה א"כ למה מזכירין דברי היחיד בין המרובין לבטלה שאם יאמר אדם כך אני מקובל יאמרו לו כדברי איש פלוני שמעת:

רבי חנינא פרק שני

(דף ד ע"ב משנה ט) **א הוא** אומר האב זוכה לבן בנוי ובכח ובעושר ובחכמה ובשנים ומספר הדורות לפניו והוא הקץ שנאמר (ישעיה מא) קורא הדורות מראש (דף ה) אע"פ שנאמר (בראשית טו) ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה ונאמר (שם) ודור רביעי ישובו הנה:

(משנה י) **ב אף** הוא היה אומר חמשה דברים של י"ב חדש. משפט דור המבול שנים עשר

אמר. שקדם לנו במאמר בתוספתא קיום דברי היחיד בין המרובים וזהו שאפשר שיפסוק בית דין כמותו היחיד א"ר יהודה נותן טעם זכר דברי היחיד הנדחים כלומר שאין עושין בית דין לעולם כדבריו, ואמר שהטעם להזכיר אותו לפי שאם למד אדם אותו הדבר וחשב שהכל מודים בו וימצא שעושין הלוף הדברים ויבא בלבו ספק אז נודע לו שזה הדבר שלמד הוא דעת יחיד ונדחה עכ"ל הרמב"ם ז"ל:

הוא היה אומר. ר' עקיבא: בנוי. היופי ושנים החיים כלומר שיהיו ימי חייו קרוב לחיי אביו לפי שכשהוא קרוב לו במזגו יהיה קרוב לו בימי חיין בלא ספק ואלה הדברים נוהגים על הרוב וכן רוב דברים הטבעיים הם על הרוב כאדם אם הוא בעל ממון מורישו לבנו וישאר הבן מיושב בעושר אביו וכשהוא חכם הוא מלמד לבנו על הרוב ובתוספתא חכמים חולקים על ר' עקיבא שאין האב זוכה לבנו בחמשה דברים הללו עד הפרק שעדיין לא הגיע לעונת חיוב מצות אבל משהגיע לפרק אם הוא צדיק זוכה לעצמו ואם לאו אין אביו זוכה לו: ומספר הדורות לפניו והוא הקץ. ר"ל שישוב זמן הקץ לחשבון האנשים עם חשבון השנים עד שיהיה השיעור גזירות השי"ת שאחר כך וכך דורות אנשים אחד מוליד שני יהיה מה שיעד השם בזו הביאה ראיה מן הקץ אשר שם השם לאברהם עד היות מנין שנים ארבע מאות שנה שהיינו אל האנשים ואמר דור רביעי ישובו הנה ויתחיל מזמן בואם מא"י כלומר ירידתן למצרים שהרי קהת מיורדי מצרים ומשה מיורדי מצרים ובני משה נכנסו לא"י ירד ממנו קהת והם דור רביעי לקהת והמרו יבואו כנה כאילו אמר משעה שיצאו מן הארץ הזאת עד ארבע דורות ישובו אליה עכ"ל הרמב"ם ז"ל:

אַמָאהל צוּ פַּסְקְנֶן וְויא אֵיינֶער. בְּלַייבְּט שׁוֹין אוֹיף אֵייבִּיג אַזוֹי דֶער דִין. דְרִיבֶּער שְׁטֵייט דִיא רֵייד פוּן אֵיין תַּנָא אוֹיךְ:

ג אָמַר. רַבִּי יְהוּדָה הָאט גְזָאגְט אוֹיבּ אַזוֹי. וְויא דִיא רֵייד פוּן דֶעם אֵיין תַּנָא אִיז גָאר אוּמְזִיסְט. קֵיינֶער וֶועט גֶעווים נִיט פַּסְקְנֶן וְויא עֶר: צוּ וָואס אִיז דֶער מָאנְט זַיינֶע רֵייד צְווִישֶׁען דִיא רֵייד פוּן פִיל תַּנָאִים. עֶנְפֶערְט דִיא מִשְׁנָה אוֹיבּ אַמֶענְטְשׁ וֶועט אַמָאהל זָאגֶן אִיךְ הָאבּ גִיהֶערְט אַז דֶער דִין אִיז אַזוֹי. וֶועט אִיהם זַיין אַוואוּנְדֶער פַאר וָואס פַּסְקֶנְט בֵּית דִין אַנְדֶערְשׁ. וֶועט מֶען אִיהם זָאגֶן דוּא הָאסְט גִיהֶערְט אַז יֶענֶער תַּנָא זָאגְט אַזוֹי. אָבֶּער פִיל תַּנָאִים קְרִיגֶען אוֹיף אִיהם. אוּנ דֶער דִין מוּז זַיין וְויא דִיא פִיל תַּנָאִים זָאגֶן. נִיט וְויא דֶער אֵיינֶער זָאגְט:

פרק שני

א הוּא. רַבִּי עֲקִיבָא הָאט גְזָאגְט אַפָּאטֶער וָואס אִיז אַצַדִיק אִיז עֶר זוֹכֶה עֶר זָאל הָאבֶּן אַזוּהן אַשֵׁיינֶעם אַשְׁטַארְקִין אַרַייכֶען אַקְלוּגֶען אוּנ עֶר זָאל לַאנג לֶעבֶּן. אוּנ גָאט רֶעכֶענְט אוֹיס פַאר דֶעם צַדִיק דֶעם חֶשְׁבּוֹן פוּן דִיא אַלֶע דוֹרוֹת וָואס וֶועלִין גִיבָּארֶען וֶוערִין פוּן אִיהם. אוּנ דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם סוֹף. אֲפִילוּ עֶס טְרֶעפְט צֵייטֶען בַּיי דִי קִינְדֶער פוּן צַדִיק וָואס עֶס גֵייט זֵייא נִיט גוּט. זָאל מֶען זִיךְ נִיט וואוּנְדֶערִין. וָוארוּם גָאט מֵיינְט דֶער עִיקָר דֶעם סוֹף. אַז דֶער סוֹף זָאל זַיין גוּט. אַזוֹי וְויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט רוּפְט דִיא דוֹרוֹת פוּן אָנְהֵייבּ. בַּיי דֶעם פָּאטֶער רוּפְט גָאט וָואס עֶס וֶועט זַיין מִיט זַיינֶע אַלֶע דוֹרוֹת. וָואס וֶועלִין גִיבָּארֶען וֶוערִין פוּן אִיהם. אַזוֹי וְויא מִיר זֶעהֶן אַז גָאט קוּקְט נָאר דֶער סוֹף זָאל זַיין גוּט. אֲפִילוּ צוּ דִיא מִיטְעלְסְטֶע דוֹרוֹת אִיז נִיט גוּט. אֲפִילוּ גָאט הָאט גְזָאגְט צוּ אַבְרָהָם אַז זַיינֶע קִינְדֶער וֶועט מֶען פֵּיינִיגֶען אוּנ מֶען וֶועט דִינֶען מִיט זֵייא פִיר הוּנְדֶערְט יָאהר. הָאבֶּען דָאךְ דִיא מִיטְעלְסְטֶע דוֹרוֹת שְׁלֶעכְט גִיהַאט. גָאט הָאט אָבֶּער צוּ גְזָאגְט אַז דֶער פֶערְטֶער דוֹר וֶועט צוּרִיק קוּמֶען אַהֶער אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל:

ב אַף. נָאךְ הָאט רַבִּי עֲקִיבָא גְזָאגְט פִינְף זַאכֶען זֶענֶען דָא צוּ צְווֶעלְף חֳדָשִׁים. צְווֶעלְף

עשר חדש. משפט המצרים י"ב חדש. משפט איוב שנים עשר חדש. משפט גוג ומגוג לעתיד לבא שנים עשר חדש. משפט רשעים בגיהנם שנים עשר חדש שנאמר (ישעיה סו) והיה מדי חדש בחדשו. ר' יוחנן בן נורי אומר מן הפסח ועד העצרת שנאמר (שם) ומדי שבת בשבתו:

רבי יהודה פרק חמישי

(דף מ ע"ב משנה ג) **א** רבי ישמעאל אומר קהלת אינו מטמא את הידים כדברי ב"ש ובה"א מטמא את הידים:

(משנה ו) **ב** עקביא בן מהללאל העיד ארבעה דברים א"ל עקביא חזור בך בד' דברים שהיית אומר ונעשך אב (דף ס) ב"ד לישראל אמר להן מוטב לי להקרא שוטה כל ימי ולא לעשות שעה אחת רשע לפני המקום שלא יהיו אומרים בשביל שררה חזר בו. הוא היה מטמא שער פקודה ודם הירוק וחכמים מטהרין

ומדי שבת בשבתו. ר"ל השבתות הרצופות אותם שהיו שבתות כיהויס קלהם לקלהם ואם אומרו וספרתם לכם ממחרת השבת וקרא יום ראשון של פסח שבת כמו שאתה רואה וזה שיספרו אחריו שבע שבתות וכן אמרו בכאן שבת בשבתו רצה לומר השבת עם שבתות המיוחסות אליו והם מ"ט יום כמו שיש מפסח ועד עצרת ואשר הצריך לזכור אלה שהאמרים בכאן ואע"פ שאינם נכוונת המס' ואין בהם עדות וכמו כן הלכות הרבה שבאו במסכת זו ואין בהם עדות מוסף מאשר הוזכרו במקומותיהם מן המשנה הוא מה שאומר לך והוא כי כל דבר שבא במסכת זו כולם הלכות דברו בהם והעידו בהם במה שהעידו וזכרו בהם במה שאמר ודא בהם במה שדנו ביום אחד כלומר יום אחד בעצמו והוא יום שהושיבו רבי אלעזר בן עזריה בישיבה והוא אמרם עדיות בו ביום תקנוהו וכן כל מה שיאמר במשנה בו ביום בשביל אותו היום הוא אומר ולזה הטעם המלא בזו המסכת הלכות מענינים מפורסם ודע זה ותמרהו:

אינו מטמא. דלא חשוב כאלו כתבי הקדש אלא תכנתו של שלמה: שער פקודה. מי שהיתה בו בהרת ובו שער לבן והלכה שהבהרת והניח שער לבן במקומו והזרם עקביא בן מהללאל מטמא והחכמים מטהרין וכו' ונקרא פקודה ע"ד משל

חדשים איז געוועזן דער מבול אויף דער וועלט. איוב האט געהאט יסורים צוועלף חדשים. דיא מכות פון מצרים האט געדויערט (פון דם ביז מכת בכורים) צוועלף חדשים. ווען משיח וועט קומען וועט געדויערן דער משפט פון גוג ומגוג צוועלף חדשים. דער משפט פון דיא רשעים אין גיהנם דויערט צוועלף חדשים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק והיה מדי חודש בחדשו. אז עס וועט קומען איבער איאהר דער זעלביגער חודש וואס ער איז אין איהם געשטארבען. וועט ער ארויס גיין פון גיהנם אונ וועט קומען זיך בוקין פאר גאט. רבי יוחנן בן נורי זאגט ווי פיל טעג עס איז פון ערשטין טאג פסח ביז שבועות (פופציג טעג). אזוי לאנג איז ארשע אין גיהנם. ווארום עס שטייט אין פסוק ומדי שבת בשבתו. וויא פיל טעג עס איז פון ערשטין טאג פסח וואס ער הייסט שבת וממחרת השבת) ביז שבועות וואס ער הייסט אויך שבת והשבת השביעית. אזוי לאנג איז מען אין גיהנם. דער נאך קומט מען זיך בוקין פר גאט:

פרק ראשון

א רבי ישמעאל זאגט אז מען רירט אן מיט דיא הענט דעם ספר קהלת וואס ער איז געשריבען אויף פארמעט וויא אמגילה. ווערין ניט טמא דיא הענט. אזוי זאגן בית שמאי. אונ בית הלל זאגן די הענט ווערין יא טמא:

ב עקביא בן מהללאל האט עדות גזאגט אויף פיר זאכען. האבען דיא חכמים גזאגט צו עקביא. עקביא האב חרטה פון דיא פיר זאכען וואס דוא האסט גזאגט וועלין מיר דיך מאכען דוא זאלסט זיין דער גרעסטער פון בית דין ביי דיא יודין. האט עקביא גזאגט צו דיא חכמים עס איז ביי מיר בעסער מען זאל מיך רופען אזוי לאנג וויא איך וועל לעבין איך בין אשוטה פר וועס איך האב ניט גוואלט גרוס ווערין איידער זיין ארשע פר גאט אפילו אויף איין שעה. איך זאל פסקנן אפארשין דין. אונ אפילו איך וואלט וויסען באמת אז דער דין איז וויא איך זאגט. אונ איך וואלט חרטה האבען פון מיינע רייד. וואלט איך אויך ניט וועלין גרויס ווערין. מען זאל ניט זאגן ווייל איך האב גיוואלט גרויס ווערין דריבער האב איך חרטה גיהאט פון מיינע רייד אונ איך זאג אפארשין דין. עקביא האט מטמא גיוועזן דיא בעהאלטענע האר.

מטהרין והוא היה מתיר שער בכור בעל מום שנשר והניחו בחלון ואחר כך שחטו וחכמים אוסרין. הוא היה אומר אין משקין לא את הגיורת ולא את השפחה המשוחררת וחכמים אומרים משקין. אמרו לו מעשה בכרכמית שפחה משוחררת שהיתה בירושלים והשקוה שמעיה ואבטליון אמר להם דוגמא השקוה ונדוהו ומת בנדויו וסקלו ב"ד את ארונו א"ר יהודה ח"ו

פירוש

כאילו כבהרת הפקידה אותו במקומה עד שהזור אליו: ודם כיחוק. אלא נדה: בעל בכור. אמרה תורה לא תגוז בכור צאנך ואם התירה מומתה ואח"כ אלא נמנה בעל או שנשר רבנן סברי אע"פ שבכל מותר לשחטו וליהנות מעורו ומלמרו אפי' הכי גזרינן קודם שחיטה וכו': אין משקין את הגיורת וכו'. דכתיב דבר אל בני ישראל איש איש כי תשטה אשתו לאפוקי גיורת ומשוחררת ואין דרך לבן ישראל לישא אשה משוחררת ורבנן סברי אשהו הראויה לו וזו ראויה לו. והראב"ד פי' שעקביא דורש כי תשטה אשתו ולא שטתה כל ימיה כלומר מאחר שהוא יודע בה שהיא למודה לזנות כ.ר כנסה על דעת כן ואין ראוי לומר בו ועבר עליו רוח קנאה ורבנן סברי תשה תחת אישה מ"מ: דוגמא השקוה. לפי שהיתה גיורת כמותם והם היו ג"כ גרים וכאילו הם לא סברו להרתיקה ולא להזיקה בכל דיני ישראל. יש מפרשים דוגמא שלא כתבו לה מגלת

אויבּ אֵיינֶער הָאט גֵיהַאט אֲנֶגַע וַאבַּהֶרֶת). אונ אִין דֶעם בַּהֶרֶת אִיז גִיוֶועֶן וַויסֶע הָאר ׃ אִיז דֶער מֶענְטְשׁ טָמֵא. דֶער נָאךְ אִיז דֶער בַּהֶרֶת אַוֶועק גִיגַאנְגֶען. אונ דִיא וַויסֶע הָאר זֶענֶען גֶעבְּלִיבֶּען. אונ דֶער נָאךְ אִיז דֶער בַּהֶרֶת צוּרִיק גִיקוּמֶען וְדָאס זֶעהט אוֹיס וְויא דֶער בַּהֶרֶת וָואלְט בֶּעהַאלְטֶען דִיא וַויסֶע הָאר בַּיי דִיא הוֹיט בִּיז עֶר וֶועט צוּרִיק קוּמֶען. דְרִיבֶּער רוּפְט מֶען דָאס דִיא בֶּעהַאלְטֶענֶע הָאר) . זָאגְט עֲקַבְיָא דֶער מֶענְטְשׁ אִיז טָמֵא. וָוארוּם מִיר רֶעכֶענֶען פוּן אָנְהֵייבּ אָן. מִיר זָאגֶען דֶער אִיצְטִיגֶער בַּהֶרֶת קוּמְט פוּן דֶעם פְרִיעֶרְדִיגֶען בַּהֶרֶת. אִיז דָאךְ גִיוָוארִין פְרִיעֶר אַבַּהֶרֶת דֶער נָאךְ וַויסֶע הָאר. דְרִיבֶּער אִיז עֶר טָמֵא. אונ דִיא חֲכָמִים זָאגֶען מִיר רֶעכֶענֶען פוּן אִיצְט. וָוארוּם פְרִיעֶרְדִיגֶער בַּהֶרֶת אִיז גִיזוּנְד גֶעוָוארִין. אונ דָאס אִיז אַיין אַנְדֶער בַּהֶרֶת ׃ אִיז דָאךְ אִיצְט פְרִיעֶר גִיוֶועֶן דִיא וַויסֶע הָאר דֶער נָאךְ דֶער בַּהֶרֶת. דְרִיבֶּער אִיז טָהוֹר ׃ אונ אוֹיבּ אַאִשָּׁה הָאט גִיזֶעהֶן בְּלוּט וָואס דִיא בְּלוּט זֶעהט אוֹיס גְרִין. עֲקַבְיָא זָאגְט דִיא אִשָּׁה אִיז טָמֵא. אונ דִיא חֲכָמִים זָאגֶען דִיא אִשָּׁה אִיז טָהוֹר. דִיא וָואל וָואס אִיז אַרָאפּ גִיפַאלֶען פוּן אַשֶׁעפְּס וָואס עֶר אִיז אַבְּכוֹר אונ עֶר הָאט אַמוּם. אונ מֶען הָאט דִיא וָואל גִילֵייגְט אוֹיף אַפֶענְסְטֶער אָדֶער אוֹיף אַיין אַנְדֶער אָרְט) דֶער נָאךְ הָאט מֶען דֶעם בְּכוֹר גִישָׁאכְטֶען. עֲקַבְיָא זָאגְט מֶען מֶעג הֲנָאָה הָאבֶּען פוּן דִיא וָואל. אונ דִיא חֲכָמִים זָאגֶען מֶען טָאר נִיט הֲנָאָה הָאבֶּען פוּן דִי וָואל. עֲקַבְיָא הָאט גִזָאגְט אַגוֹיָה וָואס הָאט זִיךְ מְגַייֵּר גִיוֶועֶן אונ הָאט גֶענוּמֶען אַיוּדִישֶׁען מַאן. אָדֶער אַגוֹיִשֶׁע דִינְסְט אִיז פְרַייא גִיוָוארֶען פוּן אִיר בַּעַל הַבַּיִת אונ זִיא הָט גֶענוּמֶען אַיוּדִישֶׁען מַאן ׃ אונ זִייא הָאבֶּען מְזַנֶּה גִיוֶועֶן. גִיט מֶען זֵייא נִיט טְרִינְקֶען דִיא מַיִם הַמְאָרְרִים ׃ אונ דִי חֲכָמִים זָאגֶען מֶען גִיט זֵייא יָא טְרִינְקֶען דִיא מַיִם הַמְאָרְרִים. הָאבֶּען דִיא חֲכָמִים גִזָאגְט צוּ עֲקַבְיָא עֶס הָאט גִיטְרָאפֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם אִיז גִיוֶועֶן אַגוֹיִשֶׁע דִינְסְט וָואס דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט אִיר פְרַייא גִימַאכְט. זִיא הָאט גִיהֵייסֶען כַּרְכְּמִית. אונ זִיא הָט גֶענוּמֶען אַמַאן. אונ הָאט מְזַנֶּה גִיוֶועֶן. הָאבֶּען שְׁמַעְיָה אונ אַבְטַלְיוֹן אִיר גִיגֶעבֶּען טְרִינְקֶען דִי מַיִם הַמְאָרְרִים. הָאט עֲקַבְיָא גִזָאגְט צוּ דִיא חֲכָמִים אַזוֹי וְויא מַיִם הַמְאָרְרִים הָאט מֶען אִיר גִיגֶעבִּין טְרִינְקֶען. אָבֶּער נִיט אֱמֶתֶע מַיִם הַמְאָרְרִים. מֶען הָאט גֶעמַאכְט וַואסֶער אַזוֹי וְויא מַיִם הַמְאָרְרִים. אונ מֶען הָאט אִיר גִיגֶעבֶּען טְרִינְקֶען ׃ זִיא זָאל מֵיינֶען אַז דָאס אִיז מַיִם הַמְאָרְרִים. וֶועט זִיא דֶער שְׁרֶאקֶען וֶוערִין. וֶועט זִיא מוֹדֶה זַיין אַז זִיא הָאט מְזַנֶּה גִיוֶועֶן (אָדֶער אַזוֹי מֵיינְט דִיא מִשְׁנָה שְׁמַעְיָה אונ אַבְטַלְיוֹן הָאבֶּען אִיר גִיגֶעבֶּען טְרִינְקֶען אֱמֶתֶה מַיִם הַמְאָרְרִים ׃ נָאר דוּגְמָא הִשְׁקוּהָ. וַוייל שְׁמַעְיָה אונ אַבְטַלְיוֹן זֶענֶען גִיוֶועֶן גְלַייךְ וְויא דִיא כַּרְכְּמִית. זֵייא זֶענֶען גִיוֶועֶן גֵרִים אונ דִיא כַּרְכְּמִית אִיז אוֹיךְ גִיוֶועֶן אַגִיוֹרֶת. הָאבֶּען זֵייא גִיוָואלְט וַוייזֶען אַז גֵרִים זֶענֶען גְלַייךְ מִיט יוּדִין צוּ אַלֶע זַאכֶען דְרִיבֶּער הָאבֶּען זֵיי אִיר גִיגֶעבֶּען טְרִינְקֶען אֱמֶתֶה מַיִם הַמְאָרְרִים). הָאבֶּען דִיא חֲכָמִים מַחֲרִים גִיוֶועֶן עֲקַבְיָא וַוייל עֶר הָאט פַאר שֶׁעמְט שְׁמַעְיָה אונ אַבְטַלְיוֹן. אונ עֲקַבְיָא אִיז גִישְׁטָארְבֶּען אִין חֵרֶם. אונ בֵּית דִין הָאבֶּען אַרוֹיף גִילֵייגְט אַשְׁטֵיין אוֹיף זַיין קֶבֶר. רַבִּי יְהוּדָה זָאגְט חַס וְשָׁלוֹם מֶען זָאל נִיט זָאגֶען אַז מֶען הָאט מַחֲרִים גִיוֶועֶן עֲקַבְיָא. וָוארוּם אֲפִילוּ עֶרֶב פֶּסַח וָואס אַלֶע יוּדִין זֶענֶען גִיוֶועֶן אִין יְרוּשָׁלַיִם.

ח"ו שעקביא נתנדה שאין העזרה ננעלת על כל אדם מישראל בחכמה וביראת חטא כעקביא בן מהללאל . ואת מי נדו את (ר') אלעזר בן (הקוף) [חנוך] שפקפק בטהרת ידים וכשמת שלחו ב"ד והניחו אבן על ארונו ללמד שכל המנודה ומת בנדויו סוקלין את ארונו :

(מסנס ז) ג **בשעת** מיתתו אמר לבנו בני חזור בך בד' דברים שהייתי אומר א"ל ואתה למה לא חזרת בך אמר ליה בני אני שמעתי מפי המרובים והם שמעו מפי המרובים אני עמדתי בשמועתי והם עמדו בשמועתן אבל אתה שמעת מפי היחיד (והם שמעו מפי המרובין) [ומפי המרובין] מוטב להניח את דברי היחיד ולאחוז את דברי המרובים א"ל אבא פקוד עלי להבריך א"ל איני מפקד אמר ליה שמא עולה מצאת בי אמר ליה לא מעשיך יקרבוך ומעשיך ירחקוך :

אמר

מגלת סוטה אלא כתב בעלמא שהיה כתוב מתקן לספחידה ונדוהו לפי שחשד לה ועיה והגליון לעשות שלא כדין כי אין עושין כן לפי שמוליא לעז על מי המים שאינם בודקין ולפירוש קמא נדוהו לכבוד הרב וסקלו ב"ד את ארונו לבזותו כדי שיתכפר לו : שאין עזרה ננעלת . בשעת שחיטת פסחים כדתנן בפסחים שני בפ' תמיד נשחט נכנסה כת ראשונה נתמלאה העזרה ננעלו דלתות העזרה : שפקפק בטהרת ידים . שלא היה נוטל מרביעית או שלא היה נוטל עד הפרק ע"כ פי' הראב"ד במסכ' זו וקרוב לזה פי' הרמב"ם ז"ל והוא כתב בסוף ופי' מלת פקפוק על בוריו הוא הדבר שאין לו קיום והוא רופף והביא ההיא בגמ' ע"ד הדמיון באותו שהקל בטהרת הידים שהיא מדרבנן והקיימם בישראל ונתחזקה ר"ל שהידים מטמאות מבלי שאר הגוף בדבר פלוני ובדבר פלוני ע"כ :
שמעתי מן המרובין . כי נחלקו הראשונים והיו בתחלה על מחלק הוא שמע מן המחלק האחת והם שמעו מן המחלקה האחרת הני גמי עקביא היה אומר כי אותם ששמע הוא מפיהם היו רוב והברו אומרים שהאחרים שכנגדם היו רוב : פקוד עלי לחבריך . שיכבדוני : מעשיך יקרבוך . אם התנהג במעשים טובים אינך צריך שאפקדם עליך כי בלאו הכי יקרבוך ויכבדוך : ומעשיך ירחקוך . ואם חס ושלום לא תתנהג במעשים טובים אני הכן

אונ זייא זענען צו מייט גיוואָרן אין דריי טייל אריין צו גיין אין דיא עזרה . שעכטין דעם קרבן פסח . אונ צו יעדער טייל ווען זייא זענען אריין גיגאנגען אין דיא עזרה . האט מען דיא עזרה פאר שלאָסען . צווישען דיא אַלע יודין האט זיך ניט גיפונען איינער וואס זאל זיין אזוי אַחכם אונ אזוי פרום וויא עקביא בן מהללאל איז גיוועזן . וועמען דען האט מען מחרים גיוועזן . דעם אליעזר בן חנוך האט מען מחרים גיוועזן . ווייל ער האט וואלוויל גיהאַלטען דעם דין אז מען דארף וואשען דיא הענט צום עסין אָדער צו אנדערע זאכען וואס דיא חכמים האָבען גיהייסען מען זאל נאר וואשען דיא הענט אליין . ער האט ניט גיהאלטען פון דעם דין אז די הענט אליין זאָלן קענען טמא זיין אָן דעם גאַנצען גוף . אז אליעזר איז גישטאָרבען . האָבען בית דין געשיקט אונ מען האט גילייגט אַשטיין אויף זיין קבר . דס לערונט אונז ווער עס איז אין חרם . אונ איז גישטאָרבען אין חרם . לייגט מען ארויף אַשטיין אויף זיין קבר :

ג בשעת . ווען עקביא איז גישטאָרבען . פאר זיין טויט האט ער גזאָגט צו זיין זוהן דוא זאָלסט חרטה האָבען פון דיא פיר זאכען וואס איך האב גזאָגט ניט וויא דיא חכמים . נאר דוא זאָלסט פסקנן וויא דיא חכמים . האט דער זוהן גזאָגט צו עקביא פאר וואס האָסטו ניט חרטה . האט עקביא גזאָגט צו זיין זוהן איך האב גיהערט דיא דינים פון פיל מענטשין . אונ די חכמים וואס קריגען אויף מיר האָבען אויך גיהערט דיא דינים פון פיל מענטשין . איך בין געבליבען שטיין ביי דעם וואס איך האב גיהערט . אונ זייא זענען געבליבען שטיין ביי דעם וואס זיי האבען גיהערט . אָבער דוא האָסט גיהערט דיא דינים פון מיר וואס איך בין איינער . אונ דוא האָסט גיהערט פון די חכמים וואס קריגען אויף מיר וואס זיי זענען פיל . איז בעסער אוועק צו לאָזין דיא רייד פון איינעם . אונ אן נעמען דיא רייד פון פיל חכמים . האט דער זוהן גזאָגט צוא זיין פאטער עקביא . טאטע זאג דיינע חברים זייא זאָלן מיך מקרב זיין . האט עקביא גזאָגט צום זוהן . איך וועל זייא גאר ניט זאָגן . האט דער זוהן גזאָגט צו זיין פאטער טאטער האָסטו אין מיר גיפונען אַשלעכטע זאך . האט עקביא גזאָגט צום זוהן . ניין . איך האב אין דיר ניט געפונען קיין שלעכטע זאך . נאר דיינע גוטע מעשים וועלין דיך מקרב זיין אפילו איך וועל ניט זאָגן . אונ דיינע שלעכטע מעשים וועלין דיך דער ווייטערין . אונ עס וועט ניט העלפין וואס איך וועל זייא זאָגין :

העיד רבי יהושע פרק שמיני

(דף יג מבנה ז) **א אמר** ר' יהושע מקובל אני מרבן יוחנן בן זכאי ששמע מרבו ורבו מרבו הלכה למשה מסיני שאין אליהו בא לטמא ולטהר לרחק ולקרב אלא לרחק את המקורבין בזרוע ולקרב את המרוחקים בזרוע משפחת בית הצריפה היתה בעבר הירדן ורחקוה בני ציון בזרוע ועוד אחרת היתה שם וקרבוה בני ציון בזרוע כגון אלו אליהו בא לטמא ולטהר לרחק ולקרב. רבי יהודה אומר לקרב אבל לא לרחק. ר' שמעון אומר להשוות את המחלוקת וחכמים אומרים לא לרחק ולא לקרב אלא לעשות שלום בעולם שנאמר (מלאכי ג) הנני שולח לכם את אליה הנביא לפני בוא יום ה' הגדול והנורא והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם:

אמר

פירוש

שירחקך ולא שיכבדוך בשביל ממוני: ע"כ פי' הרא"ש ז"ל:

בן ציון. גברא אלמא הוה: רבי יהודה אומר. לקרב את הכשרים שנתרחקו ולא ירחק את הפסולים דאע"פ שקרבום בזרוע השתא נמי יתערבו בכשרים וכיון שנטמעו נטמעו: להשוות את המחלוקת. במשפחות המתגרות זו בזו כדאמרינן בפרק עשרה יוחסין אמר רבי יהושע בן לוי אם ראית שתי משפחות שמתגרות זו בזו דע שיש באחד מהם פסול ואין ממתים אותה לידבק בחברתה ואליהו יפייס ויבנים ביניהם והכ"א לא לרחק ולא לקרב:

פרק חמישי

א אמר. רבי יהושע האט גזאגט איך האב גיהערט פון רבן יוחנן בן זכאי. אונ רבן יוחנן האט גיהערט פון זיין רבי. אונ זיין רבי האט גיהערט פון זיין רבי אז אזוי איז גזאגט גיוואָרן צו משה רבינו אויף דעם בארג סיני אז אליהו הנביא וועט ניט קומען מטמא צו זיין די ממזרים אונ די גבעונים וואס זענען אריין געמישט גיווארן אין אמשפחה. צו ווייזען ווער זייא זענען: דורך דעם זאל טהור ווערין די גאנצע משפחה. אונ ער וועט ניט דער ווייטערין די פסולה מענטשין וואס זענען אריין געמישט אין אמשפחה. ער זאל דער נענטערין דורך דעם די גאנצע משפחה. ער וועט נאר קומען דער ווייטערין די פסולה מענטשין וואס מען ווייס אז זייא זענען פסול. נאר ווייל מען הט מורא גיהאט פאר זייא האט מען זייא גימוזט דער נענטערין. אונ ער וועט נאנט מאכען די מענטשין וואס מען ווייס אז זייא זענען כשר. אונ מען האט זייא דער ווייטערט מיט שטארקייט:

אויף דער זייט ירדן איז גיוועזן אמשפחה מען האט איר גירופען בית צריפה אונ זייא זענען גיווען כשרה מענטשין. האט בן ציון זייא דער ווייטערט מיט שטארקייט. אונ ער הט אויס גירופען אויף זייא אז זייא זענען פסול. אונ נאך אמשפחה איז דארט גיוועזן ווס זייא זענען גיוועזן פסול. אונ בן ציון האט זייא מיט שטארקייט נאנט גימאכט. אונ האט אויס גירופען אויף זייא אז זייא זענען כשר. אזעלכע משפחות וועט אליהו הנביא קומען אונ וועט זאגען וועלכע משפחה איז טמא אונ וועלכע איז טהור. אונ וועלכע מען דארף דער ווייטערין אונ וועלכע מען דארף דער נענטערין. רבי יהודה זאגט אליהו וועט נאר קומען דער נענטערין די וואס זענען דער ווייטערט גיווארן. אבער די וואס זענען איין מאהל דער נענטערט גיווארן: וועט ער ניט דער ווייטערין. רבי שמעון זאגט אליהו הנביא וועט קומען צו פאר גלייכען די קריג וואס צווישען די חכמים. אונ די חכמים זאגען אליהו וועט ניט דער ווייטערין אונ ניט דער נענטערין. נאר ער וועט מאכען שלום אויף דער וועלט צווישען די מענטשין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט זאגט איך וועל שיקען צו איך אליהו הנביא איידער עס וועט קומען דער גאטליכער טאג דער גרויסער אונ דער פורכטבארער אונ ער וועט אומקערין די הארץ פון די פאטערס צוא די קינדער. אונ די הארץ פון די קינדער צו די פאטערס:

סליק מסכת עדיות

(דף ב:) **א אמר** רבי יהושע בן לוי כל מצוה שישראל עושין בעולם הזה הן באות ומעידות עליהם לעולם הבא שנאמר (ישעיה מג) יתנו עדיהם ויצדקו אלו ישראל ישמעו ויאמרו אמת אלו אוה"ע. דרש ר' חנינא בר פפא ואיתימא ר' שמלאי לעתיד לבא מביא הקב"ה ספר תורה ומניחו בחיקו ואומר כל מי שעסק בתורה יבא ויטול שכרו ומתקבצים ובאים אומות העולם בערבוביא שנאמר (שם) כל הגוים נקבצו יחדו וגו' אומר להם הקב"ה אל תכנסו לפני בערבוביא אלא תכנס כל אומה ואומה (ע"ב) ובופריה שנאמר (שם) ויאספו לאמים ואין לאום אלא מלכות שנא' (בראשית כה) ולאם מלאום יאמץ. ומי איכא ערבוביא קמי שמיא אלא כי היכי דלא ליערבבו אינהו בהדי הדדי דלישמעו מאי דאמר להו מיד נכנסת מלכות אדום תחלה מ"ט דהיא חשובה ומנ"ל דחשיבא דכתיב (דניאל ז) ותאכל כל ארעא ותדושנה ותדקנה א"ר יוחנן זו רומי שטבעה יוצאת בכל העולם כלו ומנא לן דחשיב עייל ברישא לדינא כדרב חסדא דאמר רב חסדא מלך וצבור מלך נכנס תחלה לדין שנאמר

פירוש: בערבוביא. כולם מעורבבין ולא כל א' מה ואומה בפני עצמה: ובופריה. חכמיה: לאם. מלכות כדכתיב לבדה. ולאום מלאום ומתרגמינן ומלכו ממלכו ועוד ילמן. לא סייך אלא במלכות: וספר התורה. מסיפיה דקרא נבקא לה לקנן; מי בהם יגיד זאת: מי איכא ערבוביא קמיה. והלא כלן נסקרין בסקירה אחת שנאמר היוצר יחד לבם כדאמרינן בר"ה. ומשני. דלא ליערבבו אינהו. לדידיה לא מהניא ערבוביא אבל לדידהו מהניא דמבלבלי ומסתמי טענתייהו: טבעה. במטעה: נכנס תחלה. לפני הקב"ה לדין: משפט

פרק ששי

א אמר. רבי יהושע בן לוי האט געזאגט אלע מצות וואס די יודען טוהען אויף דער וועלט. וועלין די מצות קומען אונ וועלין עדות זאגין אויף דיא יודען צוא עולם הבא. אז זייא האבען די מצות מקיים געוועזן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייא וועלין געבען זייערע עדות וועלין זיי גירעכט זיין. דאס מיינט מען דיא יודען. זייא וועלין הערען אונ וועלין זאגען עס איז אמת. דאס מיינט מען די פעלקער. רבי חנינא בר פפא האט גידרשת אנדערע זאגין רבי שמלאי האט גידרשת ווען משיח וועט קומען וועט גאט ברייננגען א ספר תורה אונ וועט זיא לייגען אין זיין שוים. אונ ער וועט זאגין ווער עס האט גילערונט די תורה זאל ער קומען נעמען זיין שכר. וועלין זיך פאר זאמלען אלע פעלקער אוים געמישט אונ וועלין קומען פאר גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אלע פעלקער וועלין זיך פאר זאמלען צו זאמען. וועט גאט זאגין צוא זייא איר זאלט ניט אריין גיין פאר מיר אוים געמישט אלע צוא זאמען. נאר יעדער פאלק זאל אריין גיין בזונדער מיט אירע חכמים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ויאספו לאומים. לאום איז דר טייטש א קיניגרייך פון א פאלק. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ולאם מלאם יאמץ: איין קיניגרייך וועט זיך שטארקין פון דעם אנדערין קיניגרייך. זאגט דער פסוק ויאספו לאמים. די קיניגרייכין וועלין זיך פאר זאמלען. יעדער קיניגרייך בזונדער. פרעגט די גמרא וואס הארט דען גאט אז זיי זענען גיקומען אוים געמישט. גאט קען דאך אוים געמישטע מענטשין אויך דער קענען יעדערין בזונדער. ענטפערט די גמרא גאט מיינט ניט פון זיינעט וועגין נאר ער מיינט פון זייערט וועגין. אז זיי וועלין זיין אוים געמישט אלע פעלקער צו זאמען טאמער וועלין זייא ניט הערין אדער זייא וועלין ניט גוט פארשטיין וואס גאט וועט זיי פרעגין וועלין זייא ניט וויסען וואס צוא ענטפערין. דריבער וועלין זיי צו טיילט ווערין יעדער פאלק וועט אריין קומען בזונדער. צום ערשטין וועט אריין קומען די מלוכה פון אדום. ווייל זיא איז מער חשוב פון אלע. פון וואנען ווייסין מיר אז זיא איז מער חשוב פון אלע. ווארום עס שטייט אין פסוק זי וועט אויף עסין דיא גאנצע וועלט אונ זיא וועט צו טרעטין אונ צוא שטויסין דיא גאנצע וועלט. האט רבי יוחנן געזאגט דאס מיינט מען די מלוכה פון רוים. וואס איר נאמען איז ארוים גיגאנגען אויף דיא גאנצע וועלט. אונ פון וואנען ווייסין מיר אז ווער עס איז מער חשוב גייט פריער אריין צום משפט פאר גאט. אזוי וויא רב חסדא האט גיזאגט אז דער מלך מיט זיין פאלק קומען געמשפט

שנאמר (מ"א ח) לעשות משפט עבדו ומשפט עמו ישראל דבר יום ביומו וטעמא מאי אבע"א לאו אורח ארעא למיתב מלכא אבראי ואבע"א מקמי דליפוש חרון אף. ואומר להם הקב"ה במה עסקתם בעוה"ז אומרים לפניו רבש"ע הרבה שווקים תקננו הרבה מרחצאות עשינו הרבה כסף וזהב הרבינו וכולן לא עשינו אלא בשביל ישראל כדי שיתעסקו בתורה אומר להם הקב"ה שוטים כל מה שעשיתם לצורך עצמכם עשיתם שווקים להושיב בהם זונות מרחצאות לעדן בהם עצמכם כסף וזהב שלי הוא שנאמר (חגי ב) לי הכסף ולי הזהב נאם ה' צבאות כלום יש בכם מגיד זאת שנאמר (ישעיה מג) מי בהם יגיד זאת ואין זאת אלא תורה שנאמר (דברים ד) וזאת התורה אשר שם משה מיד יוצאין בפחי נפש יוצאת מלכות רומי נכנסת מלכות פרס אחריה מ"ט משום דהשיבא בתרה מנ"ל דכתיב (דניאל ז) וארו חיוה אחרי תנינה דמיה לדוב ותני רב יוסף אלו פרסיים שאוכלים כדוב ושותים כדוב ומסורבלין בשר כדוב ומגדלין שער כדוב ואין להם מנוחה כדוב אומר להם הקב"ה במה עסקתם אומרים

עבדו. שלמה המלך: דליפוש חרון אף. דהקב"ה מפני פשעי הדור שמא ח"ו יפרע מן המלך כל סורחנו מפני החרון: שווקים מרחצאות וכסף וזהב. הוא עסקן של רומים וגשרים וכרכים ומלחמות הוא עסקן של פרסיים: שיתעסקו בתורה. שיהא להם פנאי שמוצאין להשתכר בשוק ומוצאין מזונותיהם וצרכיהם בלא טורח ומתעדנין במרחצאות: וארו. והנה: אחרי. אחרת: מסורבלים. שמנים כמו קטן המסורבל בבשר ולשון מלבוש הוא כמו כפיתו בסרבליהון. דוב אין לו מנוחה אלא הולך ובא כן

צוא ווערין פון גאט. גייט פריער אריין דער מלך צום משפט. דער נאך דאס פאלק. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק שלמה המלך האט גיזאגט אויף זיך צוא טאהן דעם משפט פון זיין קנעכט אונ דעם משפט פון זיין פאלק ישראל אלע טאג. פאר וואס ווערט דער מלך פריער געמשפט. אויב דו ווילסט וועל איך דיר זאגן עס איז ניט שיין פאר דעם מלך ער זאל זיצען אויסער דיא שטוב פון בית דין אונ זאל ווארטען ביז מען וועט אפ משפטין דאס גאנצע פאלק דער נאך וועט מען אים משפטין. אונ אויב דו ווילסט וועל איך דיר זאגן איין אנדער טעם. גאט משפט דעם מלך פריער. איידער זיין כעס ווערט גרויס אויף די זינד פון דעם גאנצען פאלק. אונ גאט זאגט צום פאלק אדום מיט וואס האט איר אייך בשעפטיגט אויף דער וועלט. ווערין זייא זאגין פאר גאט רבונו של עולם מיר האבען גימאכט אזוי פיל גאסין אין דיא שטעט. מיר האבען גימאכט פיל בעדער. מיר האבען גימערט אויף דער וועלט פיל זילבער אונ גאלד: אונ דאס אלץ האבען מיר גיטאהן פון די יודינס וועגין זיי זאלין זיך ניט דארפין בשעפטיגען מיט וועלטליכע זאכין ווערין זיי קענען זיצען אונ לערנען תורה. וועט גאט זאגן צוא זייא איר ווענט נארין ווייס איך דען ניט אז איר האט אלץ גימאכט פון אייערט וועגין: איר האט גימאכט גאסין דארט זאלין זיצען זונות. איר האט גימאכט בעדער איר זאלט דארט האבען אייער פערגעניגען. די זילבער אונ גאלד איז מיינע. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט זאגט צוא מיר איז די זילבער אונ צוא מיר איז די גאלד. איז ווער דא צווישען אייך וואס ער קען זאגין. די זאך וואס ווערט גירופען זאת. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט וועט פרעגין ווער איז דא צווישען זייא וואס ער קען זאגין די זאך וואס ווערט גירופין זאת. זאת מיינט מען דיא תורה: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וזאת התורה אשר שם משה דאס איז די תורה וואס משה האט גיגאבען פאר די יודין. וועט אדום באלד ארויס גיין טרויעריג. וויא אדום איז ארויס גיגאנגען איז אריין גיגאנגען דאס פאלק פרס (אדום איז רוים) ווייל די אנדערע פון רוים איז פרס. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די אנדערע חיה וואס דניאל האט גיזעהן איז גיווען גליך צוא אבער. אונ רב יוסף האט גילערנט דער בער דאס איז פרס. ווארום דיא פרסיים עסין וויא אבער אונ טרינקען וויא אבער אונ זענען בדעקט מיט פלייש ווי אבער אונ זיי לאזין אויף זיך וואקסין גרויסע האר וויא אבער אונ זיי האבין ניט קיין רוה אזוי וויא אבער. וועט גאט זאגן צוא זייא מיט וואס האט איר אייך בשעפטיגט אויף דער וועלט. ווערין זיי זאגין פאר גאט רבונו של עולם מיר האבין גימאכט פיל בריקען. אונ פיל שטעט האבען מיר איין גינומען. אונ פיל מלחמות האבען מיר גימאכט. אונ דאס אלץ האבען מיר

אומרים לפניו רבש"ע הרבה גשרים גשרנו ועשינו והרבה כרכים כבשנו והרבה מלחמות עשינו וכולן לא עשינו אלא בשביל ישראל כדי שיתעסקו בתורה. אומר להם הקב"ה שוטים כל מה שעשיתם לא עשיתם אלא לצורך עצמכם גשרים ליטול מכם מהן כרכים לעשות בהם אנגריא מלחמות אני עשיתי שנאמר (שמות טו) ה' איש מלחמה ה' שמו כלום יש בכם מגיד זאת שנאמר מי בכם יגיד זאת ואין זאת אלא תורה שנאמר וזאת התורה. מיד יוצאין בפחי נפש. וכי מאחר דעיילא רומי ולא זכה פרס מ"ט עיילא סבור אינהו סתור בית המקדש ואנן מיבנא בנינן:

מסה: אנגריא. עבודת המלך המוטלת על יושבי כרכים לעשות מלחמה וללכת בגבא וליטול במסתך לעבודתו: ואנן בנינן. בית שני בנה כורש: אינהו אישתעבידו בישראל. פרסיים אשתעבדין בישראל בגלות בבל וטיטוס הגלה לרומי

ב וכן כל אומה ואומה מאי שנא הני תרתי דקא חשיב ומאי שנא הנך דלא חשיב הנך משכה מלכותייהו עד דאתי משיחא וכי מאחר דעיילי תרתי ולא אהנו מידי מ"ט עיילי אחריני אמרי אינהו אישתעבידו בישראל אנן לא אשתעבדינן בהו אמרו לפניו

נאר גימאכט פון דיא יודינס וועגין זיי זאלין זיצען רוהיג אונ זאלין לערנען תורה . וועט גאט זאגין צוא זיי איר זענט נארין וויים איך רעדען ניט אז איר האט אלץ גימאכט פון אייערט וועגין . איר האט גימאכט בריקען איר זאלט נעמען פון זייא אפצאהל. ווער עס וועט גיין אדער פארין אויף דעם בריק זאל אייך בצאהלין . איר האט גימאכט שטעט אונ איר האט אריין גיזעצט אין זיי מענטשין . די מענטשין זאלין אייך בצאהלין אונ זאלין טאהן די קעניגליכע ארבעט אונ זאלין גיין שטרייטין אייערע מלחמות . די מלחמות אייערע זאגט גאט האב איך איין גינומען פון אייערט וועגין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט איז דער מאן פון מלחמות איין נעמען . איז ווער דא צווישען אייך וואס ער קען זאגין די זאך וואס ווערט גירופין זאת . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט וועט פרעגין ווער איז דא צווישען זיי וואס ער קען זאגין די זאך וואס ווערט גירופין זאת . זאת מיינט מען די תורה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וזאת התורה אשר שם משה וואס איז די תורה וואס משה האט גיטאהן פאר דיא יודין] וועט פרס באלד ארויס גיין טרויעריג . פרעגט דיא גמרא אז רוים איז אריין גיגאנגען אונ האט ניט גיוואנען דעם משפט מיט זיינע טענות . צוא וואס איז אריין גיגאנגען פרס . זייא האבען דאך גידארפט וויסען אז זיי וועלין אויך ניט געווינען . ענפערט דיא גמרא פרס האט גיטראכט דריבער האבען רוים ניט גיוואנען דעם משפט ווייל זייא האבען חרוב גימאכט דעם בית המקדש . אבער פרס האט אויף גיבאהט דעם אנדערין בית המקדש האבען זייא גימיינט דורך דעם וועלין זייא געווינען דעם משפט :

ב וכן . אונ אזוי זענען אריין גיגאנגען אלע פעלקער פאר גאט , אונ אלע האבען נימיינט זייא וועלין זוכה זיין ווייל זייא האבען גיהאלפין דיא יודען זייא זאלין זיצען רוהיג אונ לערנען התורה . אבער גאט האט זייא גיענטפערט צווייא זאכען : ערשטינס האט איר ניט גימיינט פון יודינס וועגין . איר האט גימיינט אייער טובה . צווייטינס דאס אלץ העלפט גאר ניט ביידין מען לערנט אליין די תורה . פרעגט די גמרא פאר וואס ביא רוים אונ פרס דער ציילט מען וואס זיי האבען גיזאגט פאר גאט . אונ וואס גאט האט זייא גיענטפערט . אונ פאר וואס פון דיא איבעריגע אלע פעלקער דער ציילט מען גאר ניט . ענפערט די גמרא ווייל דיא מלוכה פון רוים אונ די מלוכה פון פרס וועט זיך ציהען ביז משיח וועט קומען זענען זייא חשוב מען זאל דער ציילען וואס זייא האבען גירעט פאר גאט אונ וואס גאט האט זיי גיענטפערט . אבער דיא איבעריגע פעלקער ווייל זייער מלוכה וועט ניט זיין אויף לאנג . דריבער דערציילט מען פון זיי גאר ניט : פרעגט דיא גמרא אז צווייא פעלקער זענען שוין גיוועזען פאר גאט אונ האבען ניט גיוואנען זייער משפט : צו וואס זענען אריין גיגאנגען די איבעריגע פעלקער . ענפערט די גמרא די איבעריגע פעלקער האבען גיטראכט רוים אונ פרס ווייל זיי האבען גיארבעט מיט די יודין . דריבער האבען

לפניו רבונו של עולם כלום נתת לנו ולא קבלנוה . ומי מצו למימר הכי והא כתיב (דברים לג) ה' מסיני בא וזרח משעיר למו וכתיב (חבקוק ג) אלוה מתימן יבא מאי בעי בשעיר ומאי בעי בפארן א"ר יוחנן מלמד שלקח התורה והחזירה הקב"ה על כל . האומות והלשונות ולא קבלוה עד שבא אצל ישראל וקבלוה אלא הכי אמרי כלום קבלנוה ולא קיימנוה ועל דא תברתהון אמאי לא קבלוה אלא כך אומרים לפניו כלום כפית עלינו את ההר כגיגית ולא קבלנוה כדרך שכפית על ישראל שנאמר (שמות יט) ויתיצבו בתחתית ההר וא"ר אבדימי בר חמא דמן חיפה מלמד שכפה הקב"ה עליהם את ההר כגיגית ואמר להם אם מקבלים אתם את התורה מוטב ואם לאו שם תהא קבורתכם . מיד אומר להם הקב"ה ראשונות ישמיעונו שנאמר (ישעיה מג) וראשונות ישמיעונו שבע מצות שקבלתם היכן קיימתם . ומנ"ל דלא קיימום כדתני רב יוסף מ"ד (חבקוק ג) עמד וימודד ארץ ראה

ועדיין כולם משועבדים לנס : פארן . ארץ ישמעאל דכתיב בהגר ותשב במדבר פארן וגו' : כלום קבלנוה ולא קיימנוה . כלומר משום דלא קבלנוה : על דא תברתהון . פירכא היא כלומר נמצא תשובה זו קטיגור להם אמאי לא קבלוה : כגיגית . קופ"ה בלע"ז שמטילין בה שכר :

זייא ניט זוכה גיוועזן דעם משפט ׃ אבער מיר האבען ניט געארבעט מיט די יודען וועלין מיר זוכה זיין דעם משפט . ווי גאט האט גיענטפערט צו די פעלקער ווייל זייא האבען ניט גילערונט די תורה ׃ האבען די פעלקער גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם האסטו דען אונז גיגעבען דיא תורה אונ מיר האבין זיא ניט גיוואלט צו נעמען ׃ דו האסט דאך אונז די תורה גאר ניט גיגעבין . פרעגט די גמרא קענען דען דיא פעלקער אזוי זאגין . אז גאט האט ניט גיגעבין צו זייא דיא תורה . עס שטייט דאך אין פסוק גאט איז גיקומען פון בארג סיני אונ ער האט גישיינט צו אים פון שעיר אונ פון פארן אונ נאך שטייט אין פסוק גאט וועט קומען פון דרום זייט . וואס האט גאט גיטאהן אין שעיר אונ וואס האט גאט גיטאהן אין פארן . האט רבי יוחנן גיזאגט דער פסוק לערונט אונז אז גאט האט גינומען די תורה אונ איז מיט איר ארום גיגאנגען צוא אלע פעלקער אונ קיינער האט ניט גיוואלט נעמען די תורה . ביז גאט איז גיקומען מיט דיא תורה צו דיא יודען ׃ האבען זייא גינומען די תורה . האבען דאך די פעלקער ניט גיוואלט נעמען די תורה . נאר אזוי האבען דיא פעלקער גיזאגט פאר גאט האבען מיר דען גינומען דיא תורה אונ מיר האבען איר אנדערש מקיים גיוועזן . מיר האבען דאך איר גאר ניט גינומען . פרעגט דיא גמרא דאס איז דאך דיא קשיא פאר וואס האט איר ניט גינומען די תורה . נאר אזוי האבען זייא גיזאגט פאר גאט די יודען האבען דאך אויך ניט גיוואלט נעמען די תורה . נאר דו האסט זייא גינייט . פאר וואס האסטו אונז ניט גינייט . האסטו דען אויף אונז אויך ארויף גיבויגען דעם בארג ווי אפאס אונז צוא נייטין מיר זאלין נעמען די תורה . אזוי וויא דוא האסט גינייט דיא יודען אונ אויף זייא ארויף גיבויגען דעם בארג זייא זאלען נעמען דיא תורה . ווען דו וואלסט אונז גינייט וואלטען מיר אויך גינומען דיא תורה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא יודען האבען זיך גישטעלט אונטער דעם בארג האט רבי אבדימי בר חמא פון די שטאט חיפה גיזאגט דער פסוק לערונט אונז אז גאט האט אריבער גידעקט דעם בארג אויף דיא יודען אזוי וויא מען דעקט אריבער אפאס . אונ ער האט גיזאגט צוא די יודען אויב איר ווילט נעמען דיא תורה איז גוט . אונ אויב ניט . וועט איר בגראבען ווערען דארטען אונטער דעם בארג . וועט גאט זאגען צוא די פעלקער מאכט אונז נאר הערין די ערשטע . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא ערשטע זאגט איר אונז מאכען הערען . דיא זיבען מצות וואס איר האט אויף זיך גינומען האט איר דען מקיים גיוועזן . אז איר האט זיבען מצות ניט מקיים גיוועזן . וואלט איר דאך זעקס הונדערט מיט דרייצעהן מצות געוויס ניט מקיים גיוועזן . וויא אזוי האב איך אייך גיקענט געבען דיא תורה . פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז די גוים האבען ניט מקיים גיוועזן די זיבען מצות . ענטפערט די גמרא אזוי וויא רב יוסף האט גילערונט . עס שטייט אין פסוק עמד וימודד ארץ ראה

ראה ויתר גוים מה ראה ראה שבע מצות שקבלו עליהם בני נח ולא קיימוה עמד והתירן להם איתגורי אתגור א"כ מצינו חוטא נשכר. אמר מר בריה דרבינא (דף ג) לומר שאע"פ שמקיימין אותם אין מקבלים עליהם שכר:

ראה ויתר גוים ראה בעיניו ויתר נסתרין: לומר שאם מקיימין אותם. והתירם זו לא לומר סייג אלא שאין מצווין לקיימם ואם יקיימום לא יקבלו שכר:

אם לא בריתי יומם ולילה. אם לא בריתי שבשבילה התורה נוהגת יומם ולילה וסיום תורה דכתיב

ג ולא והתניא ר' מאיר היה אומר מנין שאפילו נכרי שעוסק בתורה הרי הוא ככהן גדול שנאמר (ויקרא יח) אשר יעשה אותם האדם וחי בהם כהנים ולוים וישראלים לא נאמר אלא האדם מלמד שאפי' נכרי ועוסק בתורה הרי הוא ככ"ג אלא לומר לך שאין מקבלין עליהם שכר כמצווה ועושה אלא כמי שאינו מצווה ועושה דא"ר חנינא גדול המצווה ועושה יותר ממי שאינו מצווה ועושה אלא כך אומרים העכו"ם לפני הקב"ה רבש"ע ישראל שקבלוה היכן קיימוה אמר להן הקב"ה אני מעיד בישראל שקיימו את התורה כולה אומרים לפניו רבש"ע כלום יש אב שמעיד על בנו דכתיב (שמות ד) בני בכורי ישראל אמר להם יבואו שמים וא"ץ ויעידו בהם בישראל שקיימו את התורה כולה אומרים רבש"ע אף שמים וארץ נוגעין בעדותם שנאמר (ירמיה לג) אם לא בריתי יומם ולילה חקות שמים וארץ

ניתר גוים. ער איז געשטאנען אונ האט געמאסטען די ערד, ער האט געזעהן אונ האט מתיר געוועזן די פעלקער. וואס האט ער געזעהן. ער האט געזעהן די זיבען מצות וואס די גוים האבען אויף זיך גענומען אונ האבען זייא ניט מקיים געוועזן. האט ער זיי מתיר געוועזן די זיבען מצות אויך. פרעגט די גמרא האבען זיי דאך נאך פארדינט. וועהן מיר דאך אז דער זינדיגער פאר דינט ג"כ. האט מר בריה דרבינא געזאגט אזוי מיינט מען מקיים זיין די זיבען מצות טוהן זיי. אונ אז זיי זענען ניט מקיים ווערין זיי געשטראפט; נאר אויב זיי זענען יא מקיים געוועזן זייא ניט קיין שכר. מען רעכינט דאס ניט פאר מצות גלייך וויא זייא וואלטין אויף דעם גאר ניט געבאטין געווארין:

ג ולא. פרעגט די גמרא די גוים נעמען ניט קיין שכר. מיר האבען דאך געלערנט רבי מאיר פלעגט זאגען פון וואנען ווייסען מיר אז אפילו א גוי לערנט תורה איז ער אזוי וויא א כהן גדול; ווארום עס שטייט אין פסוק דאס זענען די מצות וואס דער מענטש זאל זיי טאהן אונ זאל לעבין דורך זייא. עס שטייט ניט אין פסוק וואס די כהנים אונ לוים אונ ישראלים זאלען זייא טאהן. נאר עס שטייט וואס א מענטש זאל זייא טאהן. ווער דער מענטש איז. אפילו א גוי לערנט תורה איז ער אזוי וויא א כהן גדול; נאר אזוי מיינט מען אז א גוי לערנט תורה אונ איז מקיים מצות נעמט ער ניט שכר אזוי וויא דער וואס איז געבאטען אונ טוהט. נאר אזוי וויא דער וואס איז ניט געבאטען אונ טוהט. ווארום רבי חנינא האט געזאגט דער וואס איז געבאטען אונ טוהט איז גרעסער וויא דער וואס איז ניט געבאטען אונ טוהט. נאר אזוי זאגען די גוים פאר גאט רבונו של עולם די יודין וואס זייא האבען אויף זיך גענומען די תורה אונ מצות. האבען זייא דען מקיים געוועזן; זאגט גאט צו די גוים איך זאג עדות אויף די יודין אז זייא האבען מקיים געוועזן די גאנצע תורה. וועלין די גוים זאגען פאר גאט רבונו של עולם איז דען א פאטער בגלויבט צו זיין א עדות אויף זיין זוהן. עס שטייט דאך אין פסוק גאט האט געזאגט די יודין זענען מיין ערשט געבארענער זוהן; זאגט גאט צו די גוים זאלין קומען די הימעל מיט די ערד אונ זאלען זאגען עדות אויף די יודין אז זייא האבען מקיים געוועזן די גאנצע תורה. וועלין די גוים זאגען רבונו של עולם די הימעל מיט די ערד מעגן זאגען אז די יודין האבען מקיים געוועזן די תורה. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט ווען ניט די תורה וואס יודין לערנען טאג אונ נאכט וואלט איך ניט בשאפען די הימעל מיט די ערד. אז זייא וועלין זאגען די יודין האבען ניט מקיים געוועזן די תורה וועט גאט מאכען די

וארץ לא שמתי ואמר רבי שמעון בן לקיש מאי דכתיב (בראשית א) ויהי ערב ויהי בקר יום הששי מלמד שהתנה הקב"ה עם מעשה בראשית ואמר להם אם ישראל מקבלים את התורה מוטב ואם לאו הריני מחזיר אתכם לתהו ובהו ואמר חזקיה מ"ד (תהלים עו) משמים השמעת דין ארץ יראה ושקטה אם יראה למה שקטה ואם שקטה למה יראה אלא בתחלה יראה ולבסוף שקטה אומר הקב"ה להן יבאו מכם ויעידו בישראל שקיימו את התורה כולה יבא נמרוד ויעיד באברהם שלא עבד ע"ז יבא לבן ויעיד ביעקב שלא נחשד על הגזל תבא אשת פוטיפרע ותעיד ביוסף שלא נחשד על העריות יבא נבוכדנצר ויעיד בחנניה מישאל ועזריה שלא השתחוו לצלם יבא דריוש ויעיד בדניאל שלא ביטל את התפלה יבא בלדד השוחי וצופר הנעמתי ואליפז התימני ויעידו בישראל שקיימו את התורה כולה שנאמר (ישעיה מג) יתנו עדיהם ויצדקו אומרים לפניו רבש"ע תנה לנו מראש ונעשנה אומר להם הקב"ה שוטים מי שטרח בערב שבת אוכל בשבת ומי שלא טרח בערב שבת מהיכן

והגית בו יומם ולילה וכתיב אלה דברי הברית: הששי. ה"א דהששי יתירה וכתנה בסוף מעשה בראשית לדרשה זו והכי משמע ויהי ערב ויהי בקר יום הששי של ששה בסיון שעתידין ישראל לקבל התורה: השמעת דין. מתן תורה: בתחלה יראה. שמא לא יקבלו ישראל התורה ותחזור הארץ לתהו ובהו: ולבסוף. קבלוה בנעשה ונשמע שקטה: נמרוד. השליך את אברהם אבינו באור כשדים על שלא קבל עליו לעבוד ע"ז שנאסרה לבני נח ואברהם בן נח היה שלא היה בשעת מ"ת ועל שם כך נקרא אמרפל שאמר והפיל את אברהם בכבשן האש: שלא נחשד על הגזל. דכתיב מה מצאת מכל כלי ביתך אפילו שכן אפילו המנקר או מחט ותחב הדר בבית המיו עשרים שנה ובשנאה אינו נוטל עמו כלי קטן ובני נח נצטוו על הגזל ויעקב קיים: ביוסף שלא נחשד על העריות. ואשת איש נאסרה לבני נח דכתיב ודבק באשתו ולא באשת חבירו ויוסף קיים. ואליהוא בן ברכאל לא גרסינן דישראל הוה כדמפרש בב"ב בהשותפין: בערב שבת. בעולם הזה: היום

הימעל אונ דיא ערד זאלן נישט מער זיין. אונ רבי שמעון בן לקיש האט גזאגט עס שטייט אין פסוק ויהי ערב ויהי בוקר יום הששי. האט גיקענט שטיין יום ששי. איז דיא ה' איבעריג פון דעם וויסען מיר אז גאט האט גימאכט אתנאי מיט דיא אלע בשאפונג פון דער וועלט אונ ער האט גזאגט צו זייא אויב דיא יודין וועלין נעמען דיא תורה איז גוט אונ אויב ניט וועלין אלע בשעפעניש צוריק ווערין וויסט. וואורום ששי מיינט מען דעם זעקסטין טאג אין סיון. אונ ה' איז פינף. דאס זענען דיא פינף ספרים פון די תורה וואס גאט האט זייא גיגעבן צו דיא יודין דעם זעקסטין טאג אין סיון. אונ חזקיה האט גזאגט עס שטייט אין פסוק פון הימעל האסטו גימאכט הערין דעם משפט האט דיא ערד מורא גיהאט אונ איז רוהיג גיוועןן. איז דאך אקשיא אויב זיא האט מורא גיהאט. וויא אזוי איז זיא רוהיג גיוועזן. אונ אויב זיא איז רוהיג גיוועזן וויא אזוי האט זי מורא גיהאט. נאר אין אנהייב ווי זי האט גיהערט פון גאט אז די גאנצע וועלט וועט ווערין וויסט אויב דיא יודען וועלען ניט נעמען די תורה האט די ערד מורא גהאט. דער נאך אז די יודען האבען שוין גינומען דיא תורה. איז די ערד גיווארן רוהיג: וועט גאט זאגן צו די גוים פון אייך אליין וועלן קומען מענטשין אונ וועלן עדות זאגן אויף דיא יודען אז זייא האבען מקיים גיוועזן דיא גאנצע תורה. זאל קומען נמרוד אונ זאל עדות זאגן אויף אברהם אז ער האט ניט גיעדינט עבודה זרה. זאל קומען לבן אונ זאל עדות זאגן אויף יעקב אז ער האט אפילו ביי אים גאר ניט גיגזלת. זאל קומען דיא ווייב פון פוטיפר אונ זאל עדות זאגן אויף יוסף אז ער האט ניט גיוואלט מזנה זיין. זאל קומען נבוכדנצר אונ זאל עדות זאגן אויף חנניה מישאל ועזריה אז זייא האבען זיך ניט גיבוקט צום צלם. זאל קומען דריוש אונ זאל עדות זאגן אויף דניאל אז ער האט אלע טאג גידאווינט. זאל קומען בלדד השוחי אונ צופר הנעמתי אונ אליפז התימני אונ זאלן עדות זאגן אויף דיא יודען אז זייא האבען מקיים גיוועזן דיא גאנצע תורה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק יתנו עדיהם ויצדקו: דיא גוים וועלן געבין זייערע עדות זייא זאלן גירעכט מאכען דיא יודען. וועלן דיא גוים וועלן זאגן פאר גאט רבונו של עולם גיב אונז איצט דיא תורה פון אנהייב וועלן מיר זיא מקיים זיין. וועט גאט זאגן צו זייא איר זענט נארין ווער עס ארבעט ערב שבת האט ער צו עסין אום שבת. אונ ווער עס ארבעט ניט ערב שבת פון וואנען וועט ער עסין אום שבת. דער וואס איז מקיים דיא תורה אויף דיא וועלט. עסט ער

אוכל בשבת אלא אעפ"כ מצות קלה יש לי וסוכה שמה לכו ועשו אותה ומי מצית אמרת הכי והא"ר יהושע ב"ל מ"ד (דברים ז) אשר אנכי מצוך היום לעשותם היום לעשותם ולא מחר לעשותם היום לעשותם ולא היום ליטול שכרם אלא לפי שאין הקדוש ב"ה בא בטרוניא עם בריותיו ואמאי קרי ליה מצוה קלה לפי שאין בה חסרון כיס מ"ד כל אחד ואחד עושה סוכה בראש גגו והקב"ה מקדיר עליהם חמה בתקופת תמוז ומיד כל אחד ואחד מבעט בסוכתו ויוצא שנאמר (תהלים ב) ננתקה את מוסרותימו ונשליכה ממנו עבותימו מקדיר והא אמרת ·אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו משום דישראל נמי זמנין (ע"ב) דמשכה להו תקופת תמוז עד שיתסר בתשרי ומצטער והאמר (רבה) [רבא] מצטער פטור מן הסוכה נהי דפטור בעוטי מי מבעטי. מיד הקדוש ב"ה יושב ומשחק עליהם שנאמר (שם) יושב בשמים ישחק, א"ר

לעשותם. בעוה"ז: ולא למחר. דהיינו יכול לעשותם לעה"ב: בטרוניא. בעלילה: ראש גגו. רוב תשמישן על הגגות שאין גגותיהן משופעים: מקדיר. לשון נוקב כלומר מנקבת בכח חום גדול כמו מקדרין בהרים דעירובין ענין נקב וחקק: בתקופת תמוז: שנוהגת ומוהכת עד שלשה חדשים. עד יום תקופת תשרי הויא תקופת תמוז: ננתקה את מוסרותימו. על ה' ועל משיחו קאמר לעתיד לבא כדכתיב למה רגשו גוים ולאומים יהגו ריק כלומר ננתקה מצות סוכה שהטילו עלינו · דמשכה תקופת תמוז. ואין תקופת תשרי נופלת עד לאחר החג: יושב בשמים ישחק. גבי

איר שכר אויף יענע וועלט. אבער דער וואס האט אויף דיא וועלט ניט מקיים געוועז די תורה. פון וואנען וועט ער האבען צו עסין אויף יענער וועלט: נאר פון דעסטוועגין וועל איך אייך טאהן אטובה. איך האב אגרינגע מצוה איר נאמען איז סוכה. גייט טוהט דיא מצוה. פרעגט דיא גמרא וויא קענטהטו אזוי זאגן. רבי יהושע בן לוי האט דאך גזאגט עס שטייט אין פסוק דיא רייד וס איך געביט דיך היינט צו טאהן. היינט צו טאהן אבער ניט מארגן צו טאהן. היינט צו טאהן אבער ניט היינט צו גענעמען שכר וראס מיינט מען דיא מצות טוהט מען נאר היינט אויף דער וועלט. אבער ניט מארגן אויף יענע וועלט. אונ שכר נעמט מען נאר מארגן אויף יענער וועלט אבער ניט היינט אויף דער וועלט) · זעהי מיר דאך אז אויף יענע וועלט קען מען שוין ניט טאהן קיין מצות. ענטפערט די גמרא ווייל גאט וויל ניט קומען מיט אבלבול אויף זיינע מענטשין. דריבער האט ער זייא געגעבן אמצוה וצו מאכען אסוכה) אונ האט זיי געהייסען זייא זאלען זי מקיים זיין · צו ווייזען זיי אז אפילו די איין מצוה וועלן זיי אויך ניט מקיים זיין. פרעגט דיא גמרא פאר וואס רופט מען דיא מצות סוכה אגרינגע מצוה. ווייל זיא קאסט ניט פיל געלט. איז באלד יעדער גיגאנגען אונ הט געמאכט אסוכה אויף זיין דאך: אונ גאט האט אויף זיי גימאכט שיינען דיא זוהן אונ דאס איז געוועז אין דיא תקופה פון תמוז איז געווארן אגרויסע היץ. איז באלד יעדער אנטלאפען פון דיא סוכה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא גוים וועלן זאגן מיר וועלין אפ רייסען זיינע שטריק מיר וועלין אראפ ווארפען פון אונז זיינע גראבע שטריק ודאס מיינט מען מיר וועלין אראפ ווארפען פון אונז זיינע מצות) פרעגט דיא גמרא דוא זאגסט אז גאט מאכט ניט קיין בלבול אויף אמענטשין · דאס איז דאך אבלבול. צו מאכען אהיץ מען זאל מוזן אנטלויפען. ענטפערט דיא גמרא ביי דיא יודין טרעפט אויך אזוי אמאהל ווערט פר צויגען דיא תקופה פון תמוז ביז זעכצעהן טאג אין תשרי (אדער ביז נאך סוכות) · איז אום סוכות דיא היץ גאנץ גרויס אונ זייא האבען צער פון דיא היץ פון דעסטוועגין אנטלויפען זיי ניט פון סוכה. פרעגט דיא גמרא רבא האט דאך גזאגט דער וואס האט צער פון דיא סוכה דארף ניט זיצען אין סוכה. האבען דאך דיא גוים ניט גידארפט זיצען אין סוכה. אונ דיא יודין דארפען אויך ניט זיצען אין סוכה. ווען דיא היץ איז גרויס. ענטפערט דיא גמרא די יודין דארפן טאקי ניט זיצען אין סוכה אז זייא האבען צער פון דיא היץ. זייא אנטלויפען אבער ניט פון די סוכה · נאר זייא גייען אוועק פון איר מיט גרויס צער ווייל זייא קענען ניט מקיים זיין דיא מצוה: אבער דיא גוים זענען אנטלאפען פון דיא סוכה אונ האבען גילאכט פון די מצוה. אבער גאט זיצט אונ לאכט פון זייא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער וואס זיצט אין הימעל וועט

א"ר יצחק אין שחוק לפני הקב"ה אלא אותו היום בלבד:
ד איכא דמתני לה להא דר' יצחק אהא דתניא ר' יוסי אומר לעתיד לבא באין עכו"ם ומתגיירין ומי מקבלי מינייהו והא תניא אין מקבלים גרים לימות המשיח כיוצא בו לא קבלו גרים בימי דוד ולא בימי שלמה אלא שנעשו גרים גרורים (דתניא ר' יוסי אומר לעתיד לבא באים עכו"ם ומתגיירין) ומניחים תפילין בראשיהם ותפילין בזרועותיהם וציצית בבגדיהן ומזוזה בפתחיהם כיון שרואים מלחמת גוג ומגוג אומר להם על מי באתם אומרים על ה' ועל משיחו שנאמר (תהלים ב) למה רגשו גוים ולאמים יהגו ריק יתיצבו מלכי ארץ גו' מיד כל אחד ואחד מנתק מצותו והולך לו שנאמר (שם) ננתקה את מוסרותימו וגו' והקב"ה יושב ומשחק עליהם שנאמר (שם) יושב בשמים ישחק וגו' וא"ר יצחק אין שחוק לפני הקב"ה אלא אותו היום בלבד , איני והאמר רב יהודה אמר רב י"ב שעות הוי היום שלש שעות ראשונות יושב הקב"ה ועוסק בתורה שניות יושב ודן את כל העולם כלו כיון שרואה העולם כלו מתחייב ברין עומד מעל כסא הדין ויושב על כסא רחמים שלישיות יושב הקב"ה וזן את כל העולם כלו מקרני ראמים ועד ביצי כנים רביעית

ננתקה את מוסרותימו כתיב:
אלא שנעשו גרים גרורים מאליהם מתגיירין ולהן לא מקבלינן להו דמשום גדולתן דישראל קא עבדי דכתיב מי גר אתך בעניותך עליך יפול בעשירותך: יושב ודן. כר' יוסי דאמר במסכת ר"ה אדם נדון בכל יום דכתיב דבר יום ביומו: יושב וזן. קולב לכס מהיכן תזדמן לכס פרנסתם: קרני ראמים. חיה גדולה: ביצי כנים. מינא הוא דמתקרי ביצי כנים ודקין הם

לאָבען פון דיא גוֹיִם. רַבִּי יִצְחָק זָאגְט גָאט לַאכְט נִיט פון זַיינֶע בַּשֶׁעפֶענֶעשׁ. נָאר דֶעם טָאג ווֶעט עֶר יָא לַאבֶען:

ד אִיכָּא. אַנְדֶערֶע לֶערְנֶען ווָאס רַבִּי יִצְחָק הָאט גֶזָאגְט. אוֹיף דֶער זַאךְ. ווָארוּם מִיר הָאבֶּן גִילֶערוּנְט רַבִּי יוֹסִי זָאגְט ווֶען מָשִׁיחַ ווֶעט קוּמֶען ווֶעלִין קוּמֶען גוֹיִם אוּנ ווֶעלִין זִיךְ מְגַיֵּיר זַיין. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא ווֶעט מֶען דֶען צוּ נֶעמֶען גֵרִים. מִיר הָאבֶּען דָאךְ גִילֶערוּנְט ווֶען מָשִׁיחַ ווֶעט קוּמֶען ווֶעט מֶען נִיט צוּ נֶעמֶען גֵרִים. ווַייל זַייא ווֶעלִין זִיךְ נִיט מְגַיֵּיר זַיין פוּן גָאטֶס ווֶעגִין נָאר ווַייל זַייא ווֶעלִין זֶעהֶן דִיא גוּטֶס ווָאס יוּדֶען הָאבֶּען ווֶעלִין זַייא זִיךְ ווֶעלִין בַּהֶעפְטִין צוּ יוּדֶען זַיי זָאל אוֹיךְ גוּט זַיין. אוּנ אִין דִיא צַייט פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ אוּנ אִין דִיא צַייט פוּן שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט מֶען אוֹיךְ נִיט צוּ גֶענוּמֶען גֵרִים. ווַייל זַייא הָאבֶּען אוֹיךְ נִיט גִימֵיינְט פוּן גָאטֶס ווֶעגִין. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא דִיא גוֹיִם ווֶעלִין זִיךְ מְגַיֵּיר זַיין אוּנ ווֶעלִין וואוֹהנֶען בַּזוּנְדֶער נִיט מִיט דִיא יוּדִין צוּ זַאמֶען ווָארוּם דִיא יוּדִין ווֶעלִין זַייא נִיט צוּ נֶעמֶען. ווָארוּם מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט רַבִּי יוֹסִי זָאגְט ווֶען מָשִׁיחַ ווֶעט קוּמֶען ווֶעלִין קוּמֶען דִיא גוֹיִם אוּנ ווֶעלִין זִיךְ מְגַיֵּיר זַיין אוּנ ווֶעלִין לֵייגֶען תְּפִלִּין אוֹיף זַייעֶרֶע קֶעפּ אוּנ תְּפִלִּין אוֹיף זַייעֶרֶע הֶענְט אוּנ זַייא ווֶעלִין מַאכֶען צִיצִית אוֹיף זַייעֶרֶע קְלֵיידֶער אוּנ אַמְזוּזָה ווֶעט זַיין אוֹיף זַייעֶרֶע טִירֶען. ווִיא דִיא גֵרִים ווֶעלֶען זֶעהְן דִיא מִלְחָמָה פוּן גוֹג וּמָגוֹג. ווֶעלִין דִיא גֵרִים פְרֶעגִין צוּ גוֹג וּמָגוֹג אוֹיף ווֶעמֶען זֶענְט אִיר גִיקוּמֶען מִלְחָמָה הַאלְטֶען. ווֶעלִין גוֹג וּמָגוֹג זָאגֶן מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִלְחָמָה הַאלְטֶען מִיט גָאט אוּנ מִיט זַיין מָשִׁיחַ. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק צוּא ווָאס שְׁטוּרֶעמֶען דִיא פֶעלְקֶער אוּנ דִיא קֶענִיגְרֵייכְען טְרַאכְטֶען לֶערֶע זַאבֶען [צוּ מִלְחָמָה הַאלְטֶען מִיט גָאט]. ווִיא דִיא גֵרִים ווֶעלִין דָאס הֶערִין ווֶעט בַּאלְד יֶעדֶער אַרָאפּ רַייסֶען פוּן זִיךְ זַיינֶע מִצְוֹת אוּנ ווֶעט גֵיין צוּרִיק ווֶערִין אַגוֹי: אַזוֹי ווִיא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מִיר ווֶעלִין אַרָאפּ רַייסֶען פוּן אוּנז זַיינֶע פַאר בִּינְדוּנג. אוּנ גָאט זִיצְט אוּנ לַאכְט פוּן זַייא. אַזוֹי ווִיא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דֶער ווָאס זִיצְט אִין הִימֶעל ווֶעט לַאכֶען. הָאט רַבִּי יִצְחָק גֶזָאגְט גָאט לַאכְט נִיט פוּן זַיינֶע בַּשֶׁעפֶענֶעשׁ. נָאר דֶעם טָאג ווֶעט עֶר יָא לַאכֶען. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא עֶס אִיז דָאךְ נִיט אַזוֹי ווָארוּם רַב יְהוּדָה הָאט גֶזָאגְט פוּן רַב ווֶעגִין צְווֶעלְף שָׁעָה אִיז דֶער טָאג. דִיא עֶרְשְׁטֶע דְרַיי שָׁעָה זִיצְט גָאט אוּנ לֶערוּנְט תּוֹרָה. דִיא אַנְדֶערֶע דְרַיי שָׁעָה זִיצְט גָאט אוּנ מִשְׁפֶּט דִיא גַאנְצֶע ווֶעלְט. ווִיא גָאט זֶעהט אַז דִיא גַאנְצֶע ווֶעלְט ווֶערְט פַאר שׁוּלְדִינְט בַּייא דֶעם מִשְׁפָּט. שְׁטֵייט גָאט אוֹיף פוּן דֶעם שְׁטוּהל פוּן מִשְׁפָּט אוּנ עֶר זֶעצְט זִיךְ אוֹיף דֶעם שְׁטוּהל

רביעיות יושב ושוחק עם לויתן שנאמר (שם קד) לויתן זה יצרת לשחק בו א"ר נחמן בר יצחק עם בריותיו משחק על בריותיו אינו משחק אלא אותו יום בלבד :

והוא אוכב"א בלשון ארמי ובלעז לייגדרי"ש : על בריותיו . על מעשה עבירה שעושין בריותיו אינו משחק אלא אותו היום בלבד : גמולי מחלב. שמתו כשהם קטנים : עתיקי (משדים)

ה"א"ל רב אחא גליליאה לרב נחמן בר יצחק למ"ד מכי חרב בית המקדש אין שחוק לפני הקב"ה (ברביעיות מאי עביד יושב ומלמד תורה לתינוקות של בית רבן) ומנא לן דליכא שחוק קמיה אילימא מדכתיב (ישעיה כב) ויקרא ה' אלהים צבאות ביום ההוא לבכי ולמספד וגו' דלמא אותו היום ותו לא אלא דכתיב (תהלים קלז) אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני תדבק לשוני לחכי אם לא אזכרכי . ודלמא שכחה הוא דליכא אבל שמחה מיהא איכא , אלא מהכא (ישעיה מב) החשיתי מעולם אחריש אתאפק וגו' , אלא מאי עביד בהו ברביעיות יושב ומלמד תורה לתינוקות של בית רבן שנאמר (שם כח) את מי יורה דעה ואת מי יבין שמועה גמולי מחלב עתיקי משדים למי יורה דעה ולמי יבין שמועה לגמולי מחלב ולעתיקי משדים . ומקמי דליחרב ב"ה דהוה שחוק לפני הקב"ה תינוקות מאן הוה מיגמר להו אבע"א

פון רחמנות . דיא דריטע דרייא שעה זיצט גאט אונ שפייזט דיא גאנצע וועלט ווער זעצט אויס אויף יעדער מענטש פון וועלכער זאך ער זאל גישפייזט ווערין] פון דעם ווייזול וואס דאס איז דיא גרעסטע חיה . ביז ביצי כנים [דאס איז דיא קלענסטע בשעפעניש אויף דער וועלט] . דיא פערטע דרייא שעה זיצט גאט אונ שפילט זיך מיט דעם לויתן . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דעם לויתן האסטו בשאפען צו לאכען צו שפילען מיט איהם . זעהן מיר דאך אז גאט לאכט אלע טאג איז דאך אקשיא אויף רבי יצחק וואס ער זאגט אז גאט לאכט קיין מאהל ניט נאר דעם טאג ווען ער לאכן . האט רב נחמן בר יצחק גיענפערט מיט זיינע בשעפעניש לאכט גאט אלע טאג . אויף דיא עבירות וואס זיינע בשעפעניש טוהען לאכט גאט קיין מאהל נישט . נאר דעם טאג ווס די גוים וועלן חרטה האבען אויף דעם ווס זייא האבען זיך מגייר גיוועזן . וועט גאט יא פון זייא לאכען .

האמר . רב אחא גליליאה האט גזאגט צו רב נחמן בר יצחק דער וואס זאגט אז פון דער צייט וואס דער בית המקדש איז חריב גיווארען האט גאט ניט גילאכט פון וואגען ווייסען מיר אז גאט האט ניט גילאכט . מיר זאלן זאגן פון דעם פסוק גאט האט גירופען אין דעם טאג וואס דער בית המקדש איז חרוב גיווארען צו אגיוויין אונ צו אקלאג . טאמער איז דם נאר גיוועזען דעם איינעם טאג וואס דער בית המקדש איז אין איהם חרוב גיווארען . אבער פון יענעם טאג אונ ווייטער ווינט גאט שון גאר ניט . וועלן מיר זאגן פון דעם פסוק אויב איך וועל דיך ירושלים פר געסען זאל פר געסען ווערין מיין רעכטע האנט זאל בהעפט ווערין מיין צונג צו מיין גומען אויב איך וועל דיך ניט גידיינקין . טאמר וועט נאר גאט ניט פר געסין ירושלים . אבער פון דעסטוועגין איז דא שמחה אויך ביי גאט . נאר פון דעם פסוק ווייסען מיר גאט זאגט איך שווייג פון אייביג פון דער צייט וואס דער בית המקדש איז חרוב גיווארען] אונ עס איז ניטא ביי מיר קיין שמחה . נאר איך שרייא אזוי וויא אגעוויגערין אויף דעם חורבן בית המקדש . נאר וואס דען טוהט גאט דיא פערטע דריי שעה . האט רב נחמן גזאגט גאט זיצט אונ לערנט תורה מיט די קליינע קינדער . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וועמען וועט ער לערנען וויסענשאפט וועמען וועט ער געבין צו פאר שטיין דיא הערונג פון דער תורה . צו דיא קינדער וואס זענען גישטארבען ווען זיי האבען נאך גיזויגען מילך . אונ צו דיא קינדער וואס זענען גישטארבען ווען זיי זענען ענטוויינט גיווארען פון דיא מוטערס ברוסט . פרעגט דיא גמרא אונ איידער דער בית המקדש איז חרוב גיווארען וואס גאט האט יא גילאכט אונ האט זיך געשפילט מיט דעם לויתן דיא לעצטע דריי שעה פון טאג . ווער האט גילערונט תורה מיט דיא קליינע קינדער וואס זענען גישטארבען . אויב דו ווילסט וועל איך דיר זאגן דער מלאך מטטרון האט מיט זייא גילערונט . אונ אויב דוא ווילסט

עב אבע"א מטטרון ואבע"א הא והא הקב"ה תינח בימטא ובליליא מאי עביד אבע"א כעין יממא ואבע"א רוכב על כרוב קל שלו ושט בי"ח אלפים עולמות שנאמר (תהלים סח) רכב אלהים. רבותים אלפי שנאן אל תקרי שנאן אלא שאינן ואבע"א יושב ושומע שירה מפי חיות הקדש שנא' (שם מב) יומם יצוה ה' חסדו ובלילה שירה עמי. אמר ריש לקיש כל העוסק בתורה בלילה הקב"ה מושך עליו חוט של חסד ביום שנאמר יומם יצוה ה' חסדו וגו' מה טעם יומם יצוה ה' חסדו משום שבלילה שירה עמי. איכא דאמרי אמר ריש לקיש כל העוסק בתורה בעולם הזה שהוא דומה ללילה הקב"ה מושך עליו חוט של חסד בעוה"ב שהוא דומה ליום שנאמר יומם יצוה ה' חסדו וגו' מה טעם יצוה ה' משום דבלילה שירה עמי, א"ר לוי כל הפוסק מדברי תורה ועוסק בדברי שיחה מאכילין אותו גחלי רתמים שנאמר (איוב ל) הקוטפים מלוח עלי שיח ושרש רתמים לחמם:

ו אמר רב יהודה אמר שמואל מ"ד (חבקוק א) ותעשה אדם כדגי הים וגו' למה נמשלו בני אדם לדגי

כמו המעתיק הריס לשון סילוק: אלא שאינן. ב' אלפים חסרים מרבותים: יומם יצוה ה' חסדו. דן וזן ומלמד תורה: ובלילה שירה עמי. ובלילה נוהג שירו עמי למטה שאף דוד לא היה מתנמנם אלא כשינת הסוס וכל הלילה מתעסק בשירות ותשבחות ותורה: חוט של חסד. נותן חנו בעיני הבריות: הפוסק מדברי תורה. מי שעוסק בתורה ופוסק על דברי שיחה בטלה: מלוח. דברי להלוהית ועיקר. נ"א הנכתבת בלוחות:

ווער איך דיר זאגן גאט האט ביידע זאכען גיטאהן ער האט זיך געשפילט מיט דעם לויתן אונ האט גילערונט מיט דיא קינדער. אזוי טוהט גאט ביי טאג. אונ וואס טוהט ער ביי נאכט. אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגן ער טוהט ביי נאכט דאס זעלביגע וואס ער טוהט ביי טאג. אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגן ביי נאכט רייט גאט אויף אגרינגען וואלקין אונ ער שוועבט דורך אכטצעהן טויזענד וועלטין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק רכב אלהים רבותים אלפי שנאן. זאלסט ניט לייענען שנאן. נאר זאלסט לייענען שאינן. זייא זענען נישטא. אונ אזוי מיינט דער פסוק דער רייט וואגין פון גאט איז צווייא רבות [צוואנציג טויזענד] ווייניגער צוויי טויזענד. דס איז אכטצעהן טויזענד. אונ אז דו ווילסט וועל איך דיר זאגן בייא נאכט זיצט גאט אונ ער הערט שירה פון דיא חיות הקודש. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ביי טאג טוהט גאט געביטען זיין חסד [ער משפט ער שפייזט ער לערונט תורה]. אונ בייא נאכט איז זיין גיזאנג מיט מיר. דיא צדיקים זאגען שירה ביי נאכט צו גאט צו זאמען מיט דיא מלאכים וואס זייא זאגן שירה בייא נאכט פאר גאט. ריש לקיש זאגט דער ווס לערונט תורה ביי נאכט. ציהט גאט אויף אים אפאדים פון חסד ביי טאג [דאס מיינט מען גאט גיט איהם חן ביי אלע מענטשין]. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק יומם יצוה ה' חסדו ובלילה שירה עמי: בייא טאג געביט גאט אויף מיר זיין חסד. פאר וואס האט גאט געביטען אויף מיר זיין חסד בייא טאג. ווייל בייא נאכט איז זיין גיזאנג מיט מיר. ווייל איך האב ביי נאכט גילערונט תורה. אנדערע זאגן אזוי הט ריש לקיש גזאגט דער וואס לערונט תורה אויף דער וועלט וואס זי איז גלייך צו דיא נאכט. וועט גאט אויף איהם ארויף ציהען אפאדים פון חסד אויף עולם הבא וואס דאס איז גלייך צו טאג. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ביי טאג [אויף עולם הבא] וועט גאט אויף איהם געביטען זיין חסד. פאר וואס וועט גאט געביטען אויף איהם זיין חסד ביי טאג [אויף עולם הבא]. ווייל ביי נאכט [אויף דער וועלט] איז גיוועזן זיין גיזאנג מיט מיר. ווייל ער האט גילערונט תורה אויף דער וועלט וואס איז גלייך צו דיא נאכט. רבי לוי האט גיזאגט דער וואס לערונט תורה אונ אין מיטען הערט ער אוף צו לערנען אונ שמועסט. וועט מען אים געבין עסין אין גיהנם הייסע קוילען פון דעם הארץ וואס הייסט רותם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק הקוטפים מלוח עלי שיח [די ווס האקען אפ פון דער תורה צו שמועסין] ושורש רתמים לחמם [וועט זיין זייער ברויט די הייסע קוילען פון דיא ווארצלען פון דעם בוים וואס הייסט רותם]:

ו אמר. רב יהודה האט גיזאגט פון שמואלס וועגין עס שטייט אין פסוק דוא מאכסט

הכל בידי שמים. מיחושים ומכאובות הבאים לאדם כולם ע"י גזירת שמים: חוץ מצנים. צנה: פחים. חוץ חולי הבא לאדם ע"י הס כמו פח שיפות היום: סיום הבא. השמש הבאה דבכמה דוכתין קרין לשמשא יומא: ופשתם. סיפא דוזרחה לכם הוא. ופשתם לשון שומן ורבוי ועובי

לדגי הים לומר לך מה דגים שבים כיון שעולים ליבשה מיד מתים אף בני אדם כיון שפורשים מן התורה ומן המצות מיד מתים, ד"א מה דגים שבים כיון שקדרה עליהם חמה מיד מתים כך בני אדם כיון שקדרה עליהם חמה מיד מתים אבע"א בעה"ב ואבע"א בעה"ז. אבע"א בעה"ז וכדרבי חנינא דא"ר חנינא הכל בידי שמים חוץ מצנים פחים שנא' (משלי כב) צנים פחים בדרך עקש שומר נפשו ירחק מהם, ואבע"א לעה"ב כדר"ל דאר"ל אין גיהנם לעתיד לבא אלא הקב"ה מוציא חמה מנרתקה ומקדירה רשעים נדונים בה וצדיקים מתרפאים בה רשעים נדונין (דף ד) בה דכתיב (מלאכי ג) כי הנה היום בא בוער כתנור והיו כל זדים וכל עשה רשעה קש ולהט אותם היום הבא אמר ה' צבאות אשר לא יעזוב להם שרש וענף שורש בעה"ז ולא ענף לעה"ב וצדיקים מתרפאים בה שנאמר (שם) וזרחה לכם יראי שמי שמש צדקה ומרפא בכנפיה ולא עוד אלא שמתעדנין בה שנאמר (שם) ויצאתם ופשתם **כעגלי**

גימאכט דיא מענטשין אזוי וויא דיא פיש פון ים. פאר וואס זענען געגליכען דיא מענטשין צו דיא פיש פון ים. צו זאגען דיר אזוי וויא דיא פיש פון ים אז זייא גייען ארויס אויף די טריקענעש שטארבען זייא באלד. אזוי דיא מענטשין אז זייא שיידין זיך אפ פון תורה אונ פון מצות שטארבין זייא באלד. אנדערע זאגין אזוי מיינט דער פסוק אזוי וויא דיא פיש וואס אין ים אז דיא זוהן ברענט נאר אויף זייא שטארבין זייא באלד. אזוי זענען דיא מענטשין אז דיא זוהן ברענט נאר אויף זייא. שטארבין זייא באלד. אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין דאס מיינט מען זייא שטארבין פון עולם הבא. אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין מען מיינט זייא שטארבין פון דיא וועלט. אויב דוא ווילכט וועל איך דיר זאגין מען מיינט זייא שטארבין פון די וועלט אזוי וויא רבי חנינא האט גיזאגט אלע זאכען וואס עס טרעפט אמענטשין איז אגזירה פון הימעל. נאר אז אמענטש האט זיך פאר קיהלט אונ איז קראנק גיווארען. אדער אמענטש איז קראנק גיווארען ווייל ער האט זיך דער היצט. דאס קומט אמאהל ניט פון אגזירה. נאר דער מענטש אליין האט אויף זיך גיבריינגט דיא קראנקייט. ער האט זיך גידארפט היטען ער זאל זיך ניט פאר קיהלען אדער ער זאל זיך ניט דער היצען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק צנים פחים בדרך עקש ודער קרומער מענטש וואס גייט ניט מיט זיין גלייכע שכל. איהם קען טרעפין אין זיין וועג קעלט אדער היץ. שמר נפשו ירחק מהם ואבער דער מענטש וואס וויל היטען זיין לעבין קען ער זיך דער ווייטערין פון דעם. ער זאל זיך ניט פאר קיהלען אונ ניט דער היצען. ווען מיר אז פון היץ קען מען שטארבען. אונ אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגן מען מיינט זייא וועלין שטארבען צו עולם הבא. אזוי וויא ריש לקיש האט גזאגט אז משיח וועט קומען וועט ניט זיין קיין גיהנם נאר גאט וועט ארויס נעמען דיא זוהן פון איר שייד אונ זיא וועט היים מאכען דיא וועלט. דיא רשעים וועלין געמשפט ווערין מיט דיא היץ. אונ דיא צדיקים וועלין גיהיילט ווערין דורך דיא היץ. דיא רשעים וועלין געמשפט ווערין מיט דיא היץ. ווארום עס שטייט אין פסוק דער טאג וועט קומען ער וועט ברענען וויא אהויבען אונ דיא רשעים וואס טוהען שלעכטס וועלין זיין אזוי וויא שטרוי אונ דער טאג וואס וועט קומען וועט זייא פאר ברענען אזוי האט גזאגט גאט אז ער וועט ניט לאזן פון דיא רשעים קיין ווארציל אונ קיין צווייג. קיין ווארציל אויף דער וועלט אונ קיין צווייג צו יענע וועלט. אונ דיא צדיקים וועלין גיהיילט ווערין דורך דיא זוהן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק צו אייך צדיקים וואס איר האט מורא פר מיין נאמען וועט שיינען אזוהן פון צדקה וואס זיא וועט בריינגען מיט אירע פליגול אהיילונג. אונ נאך מער וועט זיין דיא צדיקים וועלען האבען פארגעניגען פון די זוהן: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איר וועט ארויס גיין אונ איר וועט פעט ווערין אזוי וויא

בעגלי מרבק . דבר אחר מה דגים שבים הגדול מחברו בולעו אף בני אדם אלמלא מוראה של מלכות הגדול מחבירו בולעו , והיינו דתנן רבי חנינא סגן הכהנים אומר הוי מתפלל בשלומה של מלכות שאלמלא מוראה איש את רעהו חיים בלעו : ז (רבי חנינא) [רב חיננא] בר פפא רמי כתיב (איוב לז) שדי לא מצאנוהו שגיא כח וכתיב (תהלים קמז) גדול ארונינו ורב כח וכתיב (שמות ט״ו) ימינך ה' נאדרי בכח . לא קשיא כאן בשעת הדין כאן בשעת מלחמה , ר' חמא בר חנינא רמי כתיב (ישעיה כז) חמה אין לי וכתיב (נחום א) נוקם ה' ובעל חמה לא קשיא כאן בישראל כאן בעכו"ם רב חיננא בר פפא אמר חמה אין לי שכבר נשבעתי מי יתנני שלא נשבעתי ואהיה שמיר ושית במלחמה והיינו דא"ר אלכסנדראי מ"ד (זכריה יב) והיה ביום ההוא אבקש להשמיד את כל הגוים אבקש ממי אמר הקב"ה בניגני שלהם אם יש להם זכות אפדם ואם לאו אשמידם והיינו דאמר רבא מ"ד (איוב ל) אך לא בעי ישלח

מגן פושו וסנו כמו ולא ידע בפס מאד ע"כ . וא"ם התוס' על הכל בידי שמים וכו' עיין בפ' אלו נערות כי שם כתוב : גם מצאנוהו שיהא שגיא כח בעת הדין ואם ישגיא כחו יתחייבו כולם כליה : ר' חמא בר חנינא אמר . תרווייהו בישראל וה"ק קרא אע"פ שבעל חמה אני. חמה אין לי. שכבר נשבעתי מקיף עליך: מי יתנני . סופיה דהאי קרא הוא : שמיר ושית : לשון ארץ גזרה ותורבן ודוגמתו השאה והשבר : והיינו דרבי אלכסנדריא. אדלעיל קאי דאין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו : בניגני שלהן . בספר זכרון מעשיהם : ואם לאו אשמידם . וכדין אפקוד עליהם ולא כהמלה כי אם בדקדוק כדאמרינן לעיל מקדיר עליהם חמה מנרתקו אולי יבעטו והיינו נמי דאמר רבא שהקב"ה דן את העובדי כוכבים

געשטאפטע קעלבער . אנדערע זאגן אזוי מיינט מען אזוי וויא דיא פיש וואס אין ים דר גרעסערער שלינגט איין דעם קלענערין . אזוי זענען דיא מענטשין . ווען ניט דיא מורא פון דער מלוכה וואלט דער גרעסערער איין געשלונגען דעם קלענערין . דאס איז וואס מיר האבען געלערנט רבי חנינא סגן הכהנים זאגט יעדער מענטש דארף בעטין דיא מלוכה זאל האבען שלום . ווען די מורא פון דער מלוכה וואלט איינער דעם אנדערין לעבעדיג איין געשלונגען :

ז רב חיננא בר פפא האט געפרעגט אין איין פסוק שטייט שדי לא מצאנוהו שגיא כח מיר האבען ניט געפונען אז גאט זאל גרייסען זיין כח ווען ער משפט דיא וועלט . אונ אין אנדערין פסוק שטייט גאט איז גרוים אונ האט פיל כח . אונ אין אדריטען פסוק שטייט גאט דיין רעכטע האנט איז געשטארקט מיט כח : זאגט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא ווען גאט משפט דיא וועלט שטארקט ער ניט זיין כח . ער וויל ניט משפטין דיא וועלט מיט זיין גאנצן כח . ער משפט מיט רחמנות . אונ ווען גאט האלט מלחמה מיט זיינע פיינד משפט ער זייא מיט זיין גאנצען כח . רבי חמא בר חנינא האט געפרעגט אין איין פסוק שטייט גאט זאגט איך האב ניט קיין כעס . אונ אין אנדערין פסוק שטייט גאט טוהט נקמות אונ ער איז אכעסן . ענטפערט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא אויף יודין האט גאט ניט קיין כעס . אונ אויף גוים איז גאט יא אין כעס ; רב חיננא בר פפא זאגט ביידע פסוקים שמועסין פון דיא יודין . נאר אזו זאגט גאט אפילו איך בין אכעסן פון דעסטוועגין בין איך אויף די יודין ניט אין בעס ווארום איך האב געשווארין איך זאל אויף זייא ניט זיין אין כעס . הלוואי וואלט איך ניט געשווארין . וואלט איך מיט זייא מלחמה געהאלטען אונ וואלט פון זייא געמאכט דערנער . דאס איז וואס רבי אלכסנדראי האט געזאגט אז גאט זוכט ניט קיין בלבולים אויף מענטשין ווארום עס שטייט אין פסוק אונ עס וועט זיין אין דעם טאג אבקש להשמיד את כל הגוים . האט מען איצט געלערנט אז אבקש איז דער טייטש איך וועל בעטין . דריבער פרעגט דיא גמרא פון וועמען וועט גאט בעטין . ענטפערט דיא גמרא אבקש מיינט מען ניט בעטין . נאר זוכען . גאט זאגט איך וועל זוכען אין דיא ביכער וואו דארט שטייט פאר שריבען אלץ וואס זייא האבען געטאהן . אויב זייא האבען עפעס אזכות וועל איך זייא אויס לייזען . אונ אויב ניט וועל איך זיי פר טיליגען . דאס איז וואס רבא האט געזאגט עס שטייט אין פסוק אך לא בעי ישלח יד אם בפידו להן שוע .

ישלח יד אם בפידו להן שוע אמר הקב"ה כשאני דן את ישראל איני דן אותם כעכו"ם שכתוב בהם (יחזקאל כא) עוה עוה אשימנה אלא אני פורע מהם מעט מעט כפיד של תרנגולין שמנקרין באשפה ד"א אפילו אין ישראל עושין מצוה לפני אלא מעט כפיד של תרנגולין שמנקרין באשפה אני מצרפן לחשבון גדול שנאמר (איוב ל) אם בפידו להן שוע ד"א בשבר שמשועין לפני אני אושיע אותם והיינו דאמר (רבא) [ר' אבא] מ"ד (הושע ז) ואנכי אפדם והמה דברו עלי כזבים אני אמרתי אפדם בממונם בעוה"ז כדי שיזכו לעה"ב והמה דברו עלי כזבים והיינו דאמר רב פפי משמיה דרבא מ"ד (שם) ואני יסרתי חזקתי זרועותם ואלי יחשבו רע אמר הקב"ה אני אמרתי איסרם ביסורים בעה"ז כדי שיתחזקו זרועותם לעה"ב ואלי יחשבו רע:

ח משתבח להו ר' אבהו לצדוקי בדרב ספרא דאדם גדול הוא שבקו ליה מכסא דתליסר שני יומא חד אשכחוהו אמרו ליה כתיב (עמוס ג) רק אתכם ידעתי מכל משפחות האדמה על כן אפקוד עליכם את כל עונותיכם מאן דאית ליה סוסיא ברתחיה מסיק

בדקדוק: עוה עוה אשימנה. עווי עוה ולעוה אשימנה וכן תרגם יונתן חוביהון הבו בתוניהון אתפרע מנהון: פיד. פיקאדור"א בלעז ניקור שמנקרין מעט מעט וכן נפרע מהן מעט מעט בהסתר פנים כוליה לאכול לפדותם מעונותיהם כדי שיזכו לעוה"ב: להן שוע. אני אתן להם פדיון כמו ויושע ופריק וכמו ישוע הבן פדיון: והיינו דא"ר א.א. אפדם לישראל בממונם והיינו כפיד תרנגולין הן פורעין מעט מעט ונוגשין לדקה: ידעתי. אהבתי כמו ואדעך בשם: מאן דאית ליה סוסיא. זעם: ברתחיה מסיק ליה. מעלהו על אוהבו. הכא זועפים מתרגמינן והא

גאט זאגט אז איך משפט דיא יודען משפט איך זייא ניט אזוי וויא איך משפט די גוים וואס ביי זייא שטייט עוה עוה עוה אשימנה. ווייל עוה עוה. זייא פר קרימען אונ פאר קרימען. דריבער עוה אשימנה: וועל איך זייא טאהן צוא אפאר קרימונג. ביי יודען טוה איך ניט אזוי. נאר איך וועל אפ גיצאהלט פון זייא ביסלאך ווייז: אזוי וויא דער שנאביל פון דיא הענער וואס זייא פיקען אויף דיא קערנער פון דעם מיסט. זייא פיקען ביסלאכווייז יעדער קערנדעל בזונדער. אזוי שטראפט גאט דיא יודען ביסלאכווייז זייא זאלען ניט דארפען פאר לענדט ווערן. אנדערע זאגען אזוי זאגט גאט אפילו דיא יודען טוהען פאר מיר מצות גאר ווייניג אזוי וויא דער שנאביל פון דיא הענער וואס זייא פיקען דיא קערנער אויף דיא מיסט. פון דעסטוועגין וועל איך צו זאמען רעכענען דיא אלע מצות וואס זייא האבען גיטאהן עס זאל ווערען אגרויסער חשבון: אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אם בפידו להן שוע. אפילו זייא האבען מצות ביסלאכווייז צוא זאמען געקליבען אזוי וויא דער האן קלויבט צו זאמען דיא קערנער פון מיסט: פון דעסטוועגין וועלען זייא אויך גיהאלפען ווערין. אנדערע זאגען אזוי זאגט גאט ווייל אז דיא יודען טרעפט עפעס אצרה שרייען זייא נאר פאר מיר. דריבער וועל איך זייא העלפען. דאס איז וואס רבי אבא האט גזאגט עס שטייט אין פסוק ואנכי אפדם והמה דברו עלי כזבים. גאט זאגט איך האב גימיינט איך וועל אויס לייזן דיא יודען מיט זייער געלט אויף דער וועלט. איך וועל זייא שטראפען מיט געלט זאבען אויף דער וועלט. זייא זאלען קענען זוכה זיין צו עולם הבא. אונ דיא יודען ריידען אויף מיר ליגען. זייא זאגען אז איך מיין נאר זייער שלעכץ: דאס איז וואס רב פפי האט גזאגט פון רבאס וועגין עס שטייט אין פסוק איך האב זייא גישטראפט איך האב גישטארקט זייערע הענט אונ זייא טראכטען אויף מיר שלעכץ. גאט האט גזאגט איך האב געמיינט איך וועל זיי שטראפען מיט יסורים אויף דיא וועלט זייערע הענט זאלען גישטארקט ווערען צו עולם הבא. אונ זיי טראכטען אויף מיר שלעכץ:

ח משתבח. רבי אבהו האט גילויבט פאר דיא אפקורסים אז רב ספרא איז אגרויסער למדן. האבען די אפקורסים גישיינקט צוא רב ספרא פאראטקעס פון דרייצעהן יאהר. אמאהל האבען די אפיקורסים גיטראפין דעם רב ספרא. האבען זיי גיזאגט צוא אים עס שטייט אין פסוק נאר אייך האב איך ליבער פון אלע משפחות פון דער וועלט דריבער וועל איך אוף אייך בפעלין אלע אייערע זינד. איז דאך אקשיא דער וואס איז אין כעס וועט ער זיין כעס ארויף

אינן נסיכין. ל"א כוסית סוס שעסקו רע את אוהבו מעלה עליו כדי בימות : נפרע ממנו מעט מעט. כן ישראל נפרע מהן הקב"ה את כל עונותם בעולם הזה כדי ב ;ש ליום הדין ומרשעים אינו נפרע מהם כלל כדי לטרדם מן העה"ב ופקידם משמע מעט מעט כאדם הפוקד את חברו לפרקים :

מסיק ליה לא הוה בידיה רמו ליה סודרא בצואריה וקא מצערו ליה אתא ר' אבהו אשכחינהו אמר להו אמאי קא מצעריתו ליה אמרו ליה ולא אמרת לן דאדם גדול הוא ולא ידע למימר לן פירושא דהאי פסוקא אמר להו אימור דאמינא לכו בתנאי בקראי מי אמרי לכו אמרו ליה וכאי שנא אתון דידעיתו והוא לא ידע אמר להו אנן דשכיחין גבייכו רמינן אנפשין ומעיינין אינהו לא מעייני בקראי אמרו ליה אימא לן את אמר להו אמשול לכם משל למה"ד לאדם שנושה בשני בני אדם אחד אוהבו ואחד שונאו אוהבו נפרע ממנו מעט מעט שונאו נפרע ממנו בבת אחת :

ט דרש ר' אבא בר כהנא מ"ד (בראשית יח) חלילה לך מעשות כדבר הזה להמית צדיק עם רשע אמר אברהם לפני הקב"ה חולין הוא לך מעשות כדבר הזה להמית צדיק עם רשע . ולא והכתיב (יחזקאל כא) והכרתי ממך צדיק ורשע בצדיק שאינו

מארפין אויף זיין גוטען פריינד . ווייל גאט האט די יודען ליב דריבער וועט ער זייא שטראפין פאר זייערע זינד. האט רב ספרא ניט גיוואסט צו ענטפערין . האבען דיא אפקורסים ארויף גילייגט אהאנטוך ארום זיין האלדז אונ האבען אים מצער גיוועזן . זייא האבען אים גיווארגין . איז גיקומען רבי אבהו אונ האט גיטראפין זייא זענען אים מצער . האט רבי אבהו גיזאגט צו די אפקורסים . פאר וואס זענט איר מצער דעם רב ספרא . האבען דיא אפיקורסים גיזאגט צוא רבי אבהו דוא האסט אונז גיזאגט אז רב ספרא איז אגרויסער למדן אונ ער ווייס ניט צוא זאגין דעם פשט פון דעם פס וק. האט רבי אבהו גיזאגט צוא דיא אפקורסים איך האב נאר גיזאגט אז ער קען גוט לערנען משניות אונ גמרא . אבער אז ער קען גוט לערנען פסוקים האב איך גאר ניט גיזאגט . האבען די אפקורסים גיזאגט צוא רבי אבהו פאר וואס איר קענט יא לערנען פסוקים אונ ער קען ניט לערנען פסוקים . האט רבי אבהו גיזאגט צוא דיא אפיקורסים ווייל מיר קומען אריין אלע מאהל צוא אייך אונ מיר ווייסין אז איר וועט אונז פרעגין פסוקים . לערנען מיר פסוקים מיר זאלען וויסען אייך וואס צו ענפערין . אבער דיא רבנן וואס קומען ניט אריין צוא אייך לערנען ניט קיין פסוקים . האבין דיא אפקורסים גיזאגט צו רבי אבהו זאג דוא אונז דעם פשט פון דעם פסוק. האט רבי אבהו גיזאגט צו דיא אפקורסים איך וועל אייך זאגין אמשל צוא וואס דיא זאך איז גלייך . אמענטש האט אמאהל גימאנט געלט בייא צווייא מענטשין . איינער איז גיוועזן זיינער אגוטער פריינד . אונ דער אנדערער איז גיוועזן זיינער אשונא . פון זיין גוטען פריינד האט ער אפ גינומען דעם חוב ביסלאכווייז . האט ער אים ניט גיטאהן קיין שאדין . פון זיין שונא האט ער אפ גינומען דעם חוב מיט איין מאהל . האט ער בייא אים צוא גינומען זיין גאנץ פאר מעגין אונ ער איז געבליבען איין ארעם מאן . גאט האט צוא דיא יודען אויך אזוי גיזאגט ווייל איך האב אייך ליב דריבער שטראף איך אייך ביסלאכווייז אויף יעדער עבירה בזונדער . אייער שכר זאל בלייבין אין גאנצין צוא עולם הבא . אבער צוא אנדערע פעלקער וואַרט איך ביז די מאס פון זייערע עבירות ווערט פול . דער נאך שטראף איך זיי מיט איין מאהל ביז זייא ווערין פארלענדט :

ט דרש . רבי אבא בר כהנא האט גידרשת עס שטייט אין פסוק חלילה לך מעשות כדבר הזה להמית צדיק עם רשע . אברהם אבינו האט גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם עס איז גיט שיין פאר דיר דוא זאלסט טאהן אזוי אזאך דו זאלסט הרגענען דעם צדיק גלייך מיט דעם רשע . פרעגט די גמרא הרגת דען ניט גאט דעם צדיק אזוי וויא דעם רשע . עס שטייט דאך אין פסוק איך וועל פאר שניידין פון דיר דעם צדיק אונ דעם רשע . ענטפערט די גמרא דאס איז נאר אז דער צדיק איז ניט קיין אמתר צדיק. פרעגט די גמרא אונ אאמתין צדיק הרגת גאט

שאינו גמור אבל בצדיק גמור לא. והכתיב (שם ט) וממקדשי תחלו ותני רב יוסף אל תקרי ממקדשי אלא ממקודשי אלו בני אדם שקיימו את התורה כולה מאל"ף ועד תי"ו התם נמי כיון שהיה בידם למחות ולא מיחו הוו להו כצדיקים שאינן גמורים:

י רב פפא רמי כתיב (תהלים ז) ואל זועם בכל יום וכתיב (נחום א) לפני זעמו מי יעמוד לא קשיא כאן ביחיד כאן בצבור, ת"ר ואל זועם בכל יום וכמה זעמו רגע וכו׳ (עי׳ ברכות פ"א):

וממקדשי תחלו. גבי ששה מזהירים שבאו להשחית את ירושלים כתיב ביחזקאל: אל זועם בכל יום. ואפילו הכי קיימין וכתיב מי יעמוד: ביחיד. מי יעמוד: בצבור. לאף ע"ג דבכל יום זועם מתקיימין: בתלת שעי קמייתא. שעת חרון: דצפרא נמי. בתפלת יוצר: צבורא מצלו. שחרית בכל המקומות ותפלת מוסף הואיל וזמנה כל היום והיא ביחד שחרית ואחרים יש שמתפללין אותה (ביחיד) [בבוקר ויש מאחרין]: והאמרת ראשונות יושב ועוסק בתורה. בהיות הן והכא אמרת

(ע"ב) יא אמר רב יוסף לא ליצלי אינש צלותא דמוספי בתלת שעי קמייתא דיומא ביומא קמא דריש שתא ביחיד דילמא כיון דמפקיד דינא דלמא מעייני בעובדיה ומידחי אי הכי דצבור נמי דצבור נפישי זכותייהו אי הכי דיחיד דצפרא נמי כיון דאיכא צבור דקא מצלו לא מידחו והא אמרת שלש ראשונות יושב הקב"ה ועוסק בתורה איפוך אבע"א

ניט אזוי וויא דעם רשע. עס שטייט דאך אין פסוק וממקדשי תחלו. האט רב יוסף גיערונט זאלסט ניט לייענען ממקדשי. נאר זאלסט לייענען כמקודשי. איר זאלט אנהייבין הרגנן פון מיינע הייליגע צדיקים. דאס מיינט מען די מענטשין וואס האבען מקיים גיוועזן די גאנצע תורה פון אל"ף ביז תי"ו. זעהן מיר דאך אז גאט הרגת די אמתה צדיקים אויך. ענטפערט די גמרא דארט איז אויך רעכט ווייל זייא האבען גיקענט ווערין דיא רשעים זייא זאלין ניט זינדיגען און זייא האבען ניט גיווערט. הייסין זייא אויך ניט קיין אמתה צדיקים:

י רב פפא האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט גאט איז אין כעס אלע טאג און פון דעסט וועגין לעבען מיר. איז דאך דער כעס ניט אזוי שטארקו און אין אנדערין פסוק שטייט ווער קען בשטיין פאר דעם כעס פון גאט. נאר עס איז ניט קיין קשיא. אז גאט איז אין כעס אויף איין מענטש. קען ער טאקי ניט בשטיין פאר דעם כעס פון גאט און ער וועט ניט לעבין. אבער אז גאט איז אין כעס אויף אלע יודען. וועט זייא גאט ניט הרגנן מיט זיין כעס:

יא אמר. רב יוסף האט גיזאגט א מענטש זאל ניט דאווענען מוסף דעם ערשטין טאג ראש השנה פאר זיך אן א מנין. אין דיא ערשטע דרייא שעה פון טאג. ווייל אין דיא דרייא שעה איז גאט אין כעס. טאמער וועט מען נאך זוכען זיינע מעשים און מען וועט זעהן ער האט פיל עבירות וועט מען איהם אוועק שטויסין. מען וועט איהם געבין א שלעכטין משפט. פרעגט דיא גמרא זאל א מנין אויך ניט דאווענען אין דיא ערשטע דרייא שעה פון טאג. ענטפערט דיא גמרא ביי פיל מענטשין וואס דאווענען אלע מיט איין מאהל רעכונט מען צו ז. מען אלע וויא איין מענטש. איז דאך בייא זייא דא פיל מצות. ווערין זיי האבין א גוטין משפט. פרעגט דיא גמרא זאל א מענטש פאר זיך ניט דאווענען דעם ערשטין טאג ראש השנה שחרית אויך אין דיא ערשטע דרייא שעה פון טאג. ענטפערט דיא גמרא ווייל שחרית דאווענען אלע יודין אין דיא ערשטע דרייא שעה פון טאג. מעג איינער דאווענען פאר זיך אויך. אבער מוסף ווייל עס איז צייט א גאנצען טאג אייכט מען זיך ניט. דאווענט מען שפעטער וויא דרייא שעה. און אז איינער דאווענט מוסף אין דיא ערשטע דריי שעה. איז ער נאר אליין. דריבער זוכט מען נאך זיינע מעשים. קען זיין ער זאל שלעכט געמשפט ווערען. פרעגט דיא גמרא דוא זאגסט דאך אז דיא ערשטע דרייא שעה פון טאג לערונט גאט תורה און דיא אנדערע דריי שעה משפט גאט דיא וועלט. ענטפערט די גמרא זאג פאר קערט: דיא ערשטע דריי שעה משפט גאט דיא וועלט. דיא אנדערע דרייא שעה לערונט ער תורה. און אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגן דוא זאלסט ניט זאגן פאר קערט. נאר דיא ערשטע דרייא שעה לערונט גאט תורה. נאר ווייל ביי דער תורה שטייט דער ווארט

אי בעית אימא לעולם לא תיפוך ותורה דכתיב בה אמת דכתיב (משלי כג) אמת קנה ואל תמכור אין הקב"ה עושה לפנים משורת הדין ודין דלא כתיב ביה אמת עושה הקב"ה לפנים משורת הדין :

יב אמר ריב"ל מ"ד (דברים ז) אשר אנכי מצוך היום לעשותם היום לעשותם ולא למחר לעשותם היום לעשותם ולא היום ליטול שכרם , ואריב"ל כל מצות שישראל עושים בעוה"ז הן באות ומעידות עליהם לעוה"ב שנאמר (ישעיה מג) יתנו עדיהם ויצדקו ישמעו ויאמרו אמת יתנו עדיהם ויצדקו אלו ישראל ישמעו ויאמרו אמת אלו אוה"ע , ואריב"ל כל מצות שישראל עושין בעוה"ז באות וטורפות על פניהם של עכו"ם לעוה"ב שנאמר (דברים ד) ושמרתם ועשיתם כי היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים וגו' נגד העמים לא נאמר אלא לעיני העמים מלמד שהן באות וטורפות על פניהם לעולם הבא :

יג ואמר ריב"ל לא עשו ישראל את העגל אלא כדי ליתן פתחון פה לבעלי תשובה שנאמר מי

בקמייתא הן : אמת קנה . שלא השאלות על ת"ס : ואל תמכור . בהנס ללמוד אחרים : דין לא כתיב ביה אמת . והאי דכתיב משפטי ה' אמת במשפטים הכתובים בתורה ולוה לישראל קא משתעי דלעיל מיניה כתיב פקודי ה' ישרים . מוספי כל השנה כן שבת וספור מעשה אבל מוסף דר"ה השנה מתוך שהוא מתפלל מלכיות זכרונות ושופרות מפקיד דינא טפי ואל יפרוש אדם עצמו מן הצבור :

ולא למחר לעשותם. דאין מצות לעתיד : לא עשו ישראל את העגל. כלומר גבורים ושליטים ביצרם היו ולא היו ראויין להתגבר יצרם עליהם

אמת . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אמת זאלסטו קויפען אונ זאלסט ניט פאר קויפען . דאס מיינט מען דוא זאלסט קויפען דיא תורה (אפילו פאר געלט אבער דוא זאלסט ניט פאר קויפען פאר געלט נאר זאלסט לערנען מיט אנדערע אומזיסט) וואס זיא איז אמת . דריבער ווען גאט לערונט · תורה משפט ער די וועלט נאר מיט אמת אונ ער שיינקט גאר ניט . אבער די אנדערע דרייא שעה ווען גאט משפט דיא וועלט אונ לערונט ניט תורה . ווייל ביא משפט שטייט ניט דער ווארט אמת . שיינקט גאט פון דעם משפט . אונ ער שטראפט ניט דעם מענטש אזוי שטארק :

יב אמר . רבי יהושע בן לוי האט גזאגט עס שטייט אין פסוק אשר אנכי מצוך היום לעשותם . היינט אויף דער וועלט זאל מען טאהן מצות . אבער מארגען אויף יענע וועלט קען מען שוין קיין מצות ניט טאהן . היינט אויף דער וועלט טוהט מען מצות . אבער דעם שכר פר דיא מצות נעמט מען ניט היינט אויף דער וועלט . נאר אויף יענע וועלט . נאך האט רבי יהושע בן לוי גזאגט אלע מצות וואס דיא יודען טוהען אויף דער וועלט . וועלען דיא מצות קומען אויף יענע וועלט אונ וועלען עדות זאגען אויף דיא יודען אז זייא האבען דיא מצות מקיים גיוועזן . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייא וועלען געבין זייערע עדות אונ וועלען גירעכט בלייבען זייא וועלען הערין אונ וועלען זאגן אמת · זייא וועלען געבין זייערע עדות אונ וועלען גירעכט בלייבן . דאס מיינט מען דיא יודען . דיא יודען וועלען ברייענגען זייערע מצות . אונ דיא מצות וועלען אויף זייא עדות זאגען . וועלען דיא יודען גירעכט בלייבען . אונ דיא גוים וועלען הערין וועלען זייא זאגן עס איז אמת . דיא יודען האבען טאקי מקיים גיוועזן דיא מצות . נאך האט רבי יהושע בן לוי גזאגט אלע מצות וואס דיא יודען טוהען אויף דער וועלט . אז דיא מצות וועלין קומען אויף יענע וועלט . וועלין זייא שלאגן דיא גוים אויף זייער פנים . פאר וואס זייא האבען ניט מקיים גיוועזן דיא מצות . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איר זאלט היטען די מצות אונ איר זאלט זייא טאהן ווארום דאס איז אייער קלוגשאפט אונ אייער פאר שטאנדיגקייט צו דיא אויגען פון דיא פעלקער ; עס שטייט ניט נעגין דיא פעלקער . נאר עס שטייט צו די אויגן פון דיא פעלקער . דער פסוק זאגט אונז אז די מצות וועלן קומען אויף יענע וועלט אונ וועלען שלאגן די גוים אויף זייער פנים אונ אויף זייערע אויגען :

יג ואמר . נאך האט רבי יהושע בן לוי גזאגט דיא יודען האבען ניט גימאכט דעם עגל

(דברים ה) מי יתן והיה לבבם זה להם ליראה אותי כל הימים והיינו דאמר רבי יוחנן משום רבי שמעון בן יוחאי לא היה דוד ראוי לאותו מעשה ולא ישראל ראויין לאותו מעשה לא היה דוד ראוי לאותו מעשה דכתיב (תהלים קט) ולבי חלל בקרבי ולא ישראל ראויין לאותו מעשה דכתיב מי יתן והיה לבבם זה להם ליראה אותי כל הימים גו' ולא עשו אלא (דף ה) לומר לך שאם חטא יחיד אומרים לו כלך אצל יחיד שעשה תשובה אף אתה עשה תשובה אם חטאו צבור אומרים להו לכו אצל צבור שעשו תשובה אף אתם עשו תשובה וצריכא דאי אשמעינן יחיד משום דלא מפרסם חטאיה אבל צבור דמפרסם חטאיה אימא לא צריכא ואי אשמועינן צבור משום דנפישי ברחמי אבל יחיד דלא אלימא זכותיה

אלא גזרת המלך היה לשלוט בם יצה"ר כדי ליתן פתחון פה לבעלי תשובה שאם יאמר החוטא לא אשוב שלא יקבלוני אומר לו לא ולמד ממעשה העגל שכפרו בעיקר והקבלו בתשובה : מי יתן והיה לבבם זה להם וגו' כל הימים. בסיני נאמר אלמא גבורים ואמיצי לבב ביראתם היו : לאותו מעשה. דבת שבע : לבי חלל. יצה"ר חלל בקרבי ואין לו כח לשלוט בקרבי : לומר לך. גזרת המלך היתה ליתן פתחון פה לשבים : דמפרסם חטאיה.

ווייל זייא האבען געוואלט דינען עבודה זרה · נאר גאט האט אויף זייא געשטארקט דעם יצר הרע זייא זאלען מאכען דעם עגל אונ זאלען זינדיגען ווערין זייא תשובה טאהן וועט זיי גאט מוחל זיין · ווערין שוין וויסען אלע מענטשין אז מען זינדיגט אונ מען טוהט תשובה איז גאט מוחל · ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט ווער וואלט געבין אז זייער הארץ זאל אלע מאהל אזוי זיין (וויא היינט איז) · אונ זייא זאלען אלע מאהל אזוי מורא האבען פאר מיר וויא היינט · זעהן מיר דאך אז דיא יודען זענען געווען פרום אונ האבען מורא געהאט פאר גאט ; דאס איז דיא וועלביגע רייד וואס רבי יוחנן האט גזאגט פון רבי שמעון בן יוחאי וועגין דוד איז ניט געווען אנגיברייט צו טאהן דיא עבירה מיט בת שבע · אונ דיא יודען זענען ניט געווען אן גיברייט צו מאכען א עגל · פון וואנען ווייסען מיר אז דוד איז ניט געווען אן גיברייט צו טאהן דיא עבירה מיט בת שבע · ווארום עס שטייט אין פסוק דוד האט גזאגט ולבי חלל בקרבי · דער יצר הרע וואס אין מיין הארץ איז שוין געשטארבען אין מיר · זעהן מיר אז דוד האט שוין ניט געהאט קיין תאוה צו א אשה ; אונ פון וואנען ווייסען מיר אז דיא יודין זענען ניט געווען אן גיברייט צו מאכען דעם עגל · ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט ווער וואלט געבין אז זייער הארץ זאל אלע מאהל אזוי זיין (וויא היינט איז) אונ זייא זאלען אלע מאהל אזוי מורא האבען פאר מיר וויא היינט · זעהן מיר אז דיא יודין זענען געווען פרום אונ האבן מורא געהאט פאר גאט · נאר פאר וואס רען האבען דוד אונ דיא יודין גיטאהן דיא עבירות · דאס איז געווען א גזירה פון גאט · צו ווייזען פאר דער וועלט אז מען זינדיגט אונ מען טוהט תשובה איז גאט מוחל · אויב איין מענטש זינדיגט זאגט מען צו אים גיי צו דעם איין מענטש צו דוד ער האט אויך געזינדיגט אונ האט גיטאהן תשובה האט מען איהם מוחל געווען · טוה דוא אויך תשובה וועט מען דיר אויך מוחל זיין · אונ אויב פיל יודין צו זאמען האבען גיטאהן א עבירה · זאגט מען צו זייא גייט צו דיא פיל יודען וואס האבען גימאכט דעם עגל אונ זיי האבען גיטאהן תשובה האט מען זייא מוחל גיוועןען · טוהט איר אויך תשובה וועט מען אייך אויך מוחל זיין · זאגט דיא גמרא ביידע דוד אונ דיא יודין האבען אונז גידארפט לערנען אז תשובה העלפט : ווארום פון דוד וואלט איך נאר אפ לערנען אז תשובה העלפט פאר איין מענטש וואס האט געזינדיגט · ווייל קיינער ווייס ניט פון דיא עבירה · איז ניטא קיין חילול השם ; אבער אז פיל יודען זינדיגען מיט איין מאהל · ווייסען אלע פון דיא עבירה איז א חילול השם · וואלט איך מיינען צו זייער עבירה העלפט ניט קיין תשובה · דריבער לערנען מיר אפ פון דיא יודען וואס האבען גימאכט דעם עגל · אזוי וויא צו זייא האט געהאלפען תשובה · אזוי העלפט תשובה אלע מאהל אפילו צו פיל יודען וואס זינדיגען · אונ פון דיא יודין אליין אן דוד וואלטין מיר גזאגט צו פיל מענטשין העלפט יא תשובה ווייל ווען פיל מענטשין בעטין ווערט זייער תפלה אן

ולימא הלול הכא אימא לא ליהקבלו :
מלפפתו . מעטפתו לשון מלבוש כמו מלפפין את התינוק בשבת :
להכותים . מעשה העגל : לא באנו לעולם . שהיו כמלאכי השרת ולא יולידו בנים :
אותם . בנים שהיו כבר בשעת עמידתן בסיני :
לשמחת עונה . בעד עתה נאסר להם אל תגשו

זכותיה אימא לא צריכא . והיינו דא"ר שמואל בר נחמני א"ר יונתן מ"ד (שמואל ב כג) נאם דוד בן ישי ונאם הגבר הוקם על שהקים עולה של תשובה :

יד א"ר שמואל בר נחמני א"ר יונתן כל העושה מצוה אחת בעה"ז מקדמתו והולכת לפניו לעה"ב שנאמר (ישעיה נח) והלך לפניך צדקך . וכל העובר עבירה אחת בעה"ז מלפפתו ומוליכתו ליום הדין שנאמר (איוב ו) ילפתו ארחות דרכם יעלו בתהו ויאבדו . ר' אלעזר אומר קשורה בו ככלב שנאמר (בראשית לט) ולא שמע אליה לשכב אצלה להיות עמה לשכב אצלה בעוה"ז להיות עמה לעה"ב :

טו אמר ר"ל בואו ונחזיק טובה לאבותינו שאלמלא לא חטאו אנו לא באנו לעולם שנאמר (תהלים פב) אני אמרתי אלהים אתם ובני עליון כלכם חבלתם מעשיכם אכן כאדם תמותון למימרא דאם לא חטאו לא היו מולידים והכתיב (בראשית ט) ואתם פרו ורבו עד סיני בסיני נמי הא כתיב (דברים ה) לך אמור להם שובו לכם לאהליכם לשמחת

גענומען . אבער אז איין מענטש האט געזינדיגט העלפט איהם ניט קיין תשובה ווייל זיין זכות איז ניט אזוי שטארק . דריבער לערנען מיר אפ פון דוד אונ פון דיא יודין אז תשובה העלפט פאר איין מענטש אונ פאר פיל מענטשין , דאס איז וואס רבי שמואל בר נחמני האט געזאגט פון רבי יונתן וועגין עס שטייט אין פסוק דאס איז דיא רייד פון דוד דער זוהן פון ישי אונ דאס איז דיא רייד פון דעם מענטש הוקם על . וואס ער האט אויף געשטעלט דעם יאך פון תשובה . ער האט געוויזען אז א מענטש זאל תשובה טאהן וועט איהם גאט מוחל זיין די עבירות :

יד אמר . רבי שמואל בר נחמני האט געזאגט פון רבי יונתן וועגין דער וואס טוהט אפילו נאר איין מצוה אויף דער וועלט . אז דער מענטש שטארבט אונ קומט אויף יענער וועלט גייט דיא מצוה פאר איהם פאר אוים . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיין פרומקייט וועט גיין פאר דיר פאר אוים . אונ דער וואס טוהט אפילו נאר איין עבירה אויף דער וועלט . אז ער שטארבט אונ קומט אויף יענער וועלט . וויקולט זיך דיא עבירה ארום איהם אונ פירט אים צום משפט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ילפתו ארחות דרכם יעלו בתהו ויאבדו . דיא מענטשין וואס נעמען אן זייערע וועגין ווייא גייען אין דיא וועגין פון דיא רשעים . וועלין זייא אויף גיין אין פאר וויסטונג אונ וועלין פר לארען ווערין . רבי אלעזר זאגט די עבירה איז צו גיבונדן צו דעם מענטש אזוי וויא א הונט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ביי יוסף ער האט ניט צוא גיהערט צו איהר צו ליגען ביי איר צו זיין מיט איר . צו ליגען ביי איר אויף דער וועלט אונ צו זיין מיט איר אויף יענע וועלט . וואָרום אז יוסף וואלט מזנה גיוועזען מיט די ווייב פון פוטיפר . וואלט די עבירה גיוועזען צו געבונדין צו איהם אויף יענע וועלט :

טו אמר . ריש לקיש האט געזאגט מיר דארפען דאנקען אונזערע עלטערין וואס זיי האבען געמאכט דעם עגל . ווארום אז זייא וואלטין ניט געזינדיגט . וואלטין זייא גיוועזען אזוי וויא מלאכים ; אונ וואלטין ניט גיבארען קיין קינדער : וואלטען מיר ניט געקומען אויף דער וועלט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך האב גיטראכט איר זענט שוין אזוי וויא מלאכים אונ איר אלע זענט אזוי וויא די אויבערשטע קינדער . אבער אז איר האט פאר דארבען אייערע מעשים וועט איר שטארבען אזוי וויא מענטשין . פרעגט דיא גמרא אז דיא יודען וואלטען ניט געזינדיגט מיט דעם עגל וואלטין זייא ניט גיבארען קיין קינדער . עס שטייט דאך אין פסוק איר זאלט אייך פרוכטבארין אונ מערין . האט דאך גאט פאר באטען מען זאל האבען קינדער . ענפערט

לשמחת עונה והכתיב (שם) למען ייטב להם ולבניהם לעולם לאותם העומדים על הר סיני , והאר"ל מ"ד (בראשית ה) זה ספר תולדות אדם וכי ספר היה לו לאדם הראשון אלא מלמד שהראה הקב"ה לאדה"ר דור דור ודורשיו דור דור וחכמיו דור דור ופרנסיו כיון שהגיע לדורו של רבי עקיבא שמח בתורתו ונתעצב במיתתו אמר (תהלים קלט) ולי מה יקרו רעיך אל מה עצמו ראשיהם , וא"ר (אסי) [יוסי] אין בן דוד בא עד שיכלו כל הנשמות שבגוף שנאמר (ישעיה נז) כי לא לעולם אריב ולא לנצח אקצוף כי רוח מלפני יעטוף ונשמות אני עשיתי לא תימא אנו לא באנו לעולם אלא אימא כמי שלא באנו לעולם . למימרא דאי לא חטאו לא הוו מיתי והא כתיבי פרשת יבמות ופרשת נחלות , על תנאי

אל אסס : עד שיכלו וכו'. אוצר יש ושמו גוף ומבראשית נוצרו כל הנשמות שעתידין להולד ונתנם לשם : כי לא לעולם אריב . לאחר זמן הגאולה: ולא לנצח אקצוף . מלגאול : כי רוח . אשר לפני ונשמות שבגוף הוא יעטוף הוא המאחר כמו העטופים ללבן ונשמות אני עשיתי : כמי שלא

דִיא גְמָרָא דָאס אִיז נָאר גִיוֶוען אַמִצְוָה בִּיז צוּ דֶער צַייט וָואס יוּדִין זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּם בַּארְג סִינַי. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא וֶוען דִיא יוּדֶען זֶענֶען גִישְׁטַאנֶען בַּיי דֶעם בַּארְג סִינַי הָאט דָאךְ גָאט גֶזָאגְט צוּ מֹשֶׁה גֵיי זָאג צוּ דִי יוּדֶען גֵייט צוּרִיק צוּ אַייֶערֶע גִיצֶעלְטֶען ; דָאס מֵיינְט מֶען צוּ אַייֶערֶע וַוייבֶּער. גֶעווִיס מֵיינְט מֶען זֵייא זָאלֶען גִיבָּארֶן קִינְדֶער. עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא מֶען מֵיינְט נָאר צוּא תַּשְׁמִישׁ הַמִטָּה זָאלֶען זֵייא קוּמֶען צוּ דִיא וַוייבֶּער. אָבֶּער קִינְדֶער וָואלְטֶין זֵייא נִיט גִיבָּארֶען. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין פָּסוּק עֶס זָאל גוּט זַיין צוּ זֵיי אוּנ צוּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוֹיף אֵייבִּיג. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא דָאס מֵיינְט מֶען עֶס זָאל גוּט זַיין צוּ דִיא קִינְדֶער וָואס זֶענֶען שׁוֹין גִיבָּארֶען גִיוָוארֶען אוּנ זֶענֶען גִישְׁטַאנֶען אוֹיף דֶעם בַּארְג סִינַי. אָבֶּער נַייֶע קִינְדֶער וָואלְטֶען זֵייא נִיט גִיבָּארֶן : פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא רֵישׁ לָקִישׁ הָאט דָאךְ גֶזָאגְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דָאס אִיז דֶער סֵפֶר פוּן דִיא קִינְדֶער פוּן אָדָם. הָאט דֶען אָדָם הָרִאשׁוֹן גִיהַאט אַסֵפֶר. נָאר דֶער פָּסוּק לֶערְנְט אוּנְז אַז גָאט הָאט גֶעווִיזֶען צוּ אָדָם הָרִאשׁוֹן דִי דַרְשָׁנִים פוּן יֶעדֶער דוֹר. אוּנ דִיא חֲכָמִים פוּן יֶעדֶער דוֹר. אוּנ דִיא פִירֶערְס פוּן יֶעדֶער דוֹר. וִויא אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז גֶעקוּמֶען צוּא דֶעם דוֹר פוּן רַבִּי עֲקִיבָא ; הָאט זִיךְ אָדָם הָרִאשׁוֹן גִיפְרֵייט מִיט דִיא תּוֹרָה פוּן רַבִּי עֲקִיבָא. עֶר הָאט אָבֶּער גִיטְרוֹיעֶרְט אַז עֶר הָאט גִיזֶעהֶן מִיט וָואס פַאר אַטוֹיט רַבִּי עֲקִיבָא וֶועט שְׁטַארְבֶּען. הָאט אָדָם הָרִאשׁוֹן גֶזָאגְט דֶעם פָּסוּק וְלִי מַה יָקְרוּ רֵעֶיךָ אֵל. גָאט וִויא טַייֶער זֶענֶען בַּייא מִיר דַיינֶע פְרַיינְד. וְדָאס מֵיינְט מֶען דִיא יוּדֶען וָואס זֵיי זֶענֶען דִי פְרַיינְד פוּן גָאט זֵייא הָאבֶּען אִיהם לִיבּ) מַה עָצְמוּ רָאשֵׁיהֶם. וִויא שְׁטַארְק זֶענֶען דִיא עֶלְצְטֶע זֵייעֶרֶע. דִיא פִירֶערְס פוּן דִיא יוּדֶען. אוּנ דִיא רַבָּנִים זֵייעֶרֶע זֶעהִי מִיר דָאךְ פוּן דַאנֶען אַז צוּ דִיא יוּדֶען אִיז גִיוֶוען אָנגִיבְּרֵייט מֶענְטְשִׁין זָאלֶען גִיבָּארֶען וֶוערִין נָאךְ דֶעם וִויא מֶען הָאט זֵייא גִיגֶעבֶּן דִיא תּוֹרָה. אוּנ רַבִּי יוֹסִי הָאט גֶזָאגְט מָשִׁיחַ וֶועט אַנְדֶערְשׁ נִיט קוּמֶען בִּיז עֶס וֶועלִין זִיךְ אוֹיס לָאזִין אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען דָא אִין דֶעם אוֹצָר וָואס הֵייסְט גוּף. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק כִּי לֹא לְעוֹלָם אָרִיב. נִיט אוֹיף אֵייבִּיג וֶועל אִיךְ קְרִיגֶען אוּנ נִיט אוֹיף אֵייבִּיג וֶועל אִיךְ צֶערְנֶען נָאר דִיא נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען פַאר מִיר. דִיא נְשָׁמוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ בַּשַׁאפֶען זֵייא פַאר שְׁפֶּעטִיגֶען אַייעֶר אוֹיסלֵייזוּנְג ; אִיר וֶועט אַנְדֶערְשׁ נִיט אוֹיס גִילֵייזְט וֶוערִין בִּיז עֶס וֶועלִין גִיבָּארֶען וֶוערִין אַזוֹי פִיל מֶענְטְשִׁין וִויא פִיל נְשָׁמוֹת עֶס אִיז דָא אִין דֶעם אוֹצָר וָואס הֵייסְט גוּף. זֶעהְן מִיר דָאךְ אַז נָאךְ דֶעם וִויא דִיא יוּדֶען הָאבֶּען גֶענוּמֶען דִיא תּוֹרָה מוּזֶען נָאךְ אוֹיךְ מֶענְטְשִׁין גִיבָּארֶען וֶוערִין. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא דָאס זָאלְסְט נִיט זָאגֶען מִיר וָואלְטִין נִיט גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט. נָאר זָאג עֶס וָואלְט גִיוֶוען גְלַייךְ וִויא מִיר וָואלְטֶען נִיט גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט. וַוייל יֶענֶע מֶענְטְשִׁין וָואלְטֶען גִילֶעבְּט אֵייבִּיג אוּנ מִיר גֶעוִין זֵייא וָואלְטֶען גִיוֶוען גִירֶעכוּנְט וִויא גָאר נִיט. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא אַז דִי יוּדֶען וָואלְטֶען נִיט גֶעזִינְדִיגְט מִיט דֶעם עֶגֶל וָואלְטֶען זֵייא נִיט גִישְׁטָארְבֶּען. עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין דֶער תּוֹרָה דִיא פַּרְשָׁה פוּן יִבּוּם (אַז אֵיינֶער וֶועט שְׁטַארְבֶּען אָן קִינְדֶער. זָאל דֶער בְּרוּדֶער נֶעמֶען זַיין וַוייבּ). אוּנ

בלא לעולם. לפי שהן היו חיים לעולם וכל זמן שהם קיימים אין אנו חשובים כלום:
הא לא קבלו ישראל את התורה. הוי שומע מכאן שלא לקבל בכל היום בשיה"ז אלא אלא הכא תימה ולשון שולטת בהן וזו היא טובה הכתובה כאן למען ייטב להם: הוא דאמר. ר"ל: ענוות.

תנאי. ומי כתיב קרא על תנאי. אין כדאמר ר"ל (בראשית א) ויהי ערב ויהי בקר יום הששי מלמד שהתנה הקב"ה עם מעשה בראשית ואמר אם ישראל מקבלין את התורה מוטב ואם לאו הריני מחזיר אתכם לתהו ובהו:

ת"ש מיתיבי (דברים ה) מי יתן והיה לבבם זה להם ליראה אותי וגו' לבטל מהם מלאך המות אי אפשר שכבר נגזרה גזירה. הא לא קבלו ישראל את התורה אלא כדי שלא תהא אומה ולשון שולטת בהם שנאמר (שם) למען ייטב להם ולבניהם לעולם הוא דאמר כי האי תנא דתניא ר' יוסי אומר לא קבלו ישראל את התורה אלא כדי שלא יהא מלאך המות (ואומה ולשון) שולטת בהם שנאמר (תהלים פב) אני אמרתי אלהים אתם ובני עליון כלכם חבלתם מעשיכם אכן כאדם תמותון וכאחד השרים תפולו. ור' יוסי נמי הא כתיב

עס שטייט דיא פרשה פון ירושה. אז איינער שטארבט ווער עס זאל איהם ירשנען. זעהן מיר דאך אז מען וועט יא שטארבען. ענטפערט דיא גמרא דיא פרשיות זענען געשריבען געוואָרען אויף אתנאי. אויב מען וועט זינדיגען וועט מען שטארבען. פרעגט דיא גמרא שרייבט דען די תורה אפסוק אויף אתנאי. ענטפערט דיא גמרא יא. אזוי וויא ריש לקיש האט גזאגט עס שטייט אין פסוק ויהי ערב ויהי בוקר יום הששי. האט גידארפט שטיין יום ששי. אן אה. פאר וואס שטייט הששי מיט אה. נאר דער פסוק לערונט אונז אז גאט האט אויס גענומען אתנאי מיט די אלע זאכען וואס ער האט בשאפען אין דיא זעקס טעג. אונ ער האט גזאגט צו זייא אויב דיא יודען וועלין אן נעמען די תורה איז גוט. וועט איר אלע בלייבען: אונ אויב די יודען וועלען ניט אן נעמען דיא תורה. וועל איך אייך צוריק מאכען וויסט אזוי וויא איר זענט גיוועזען. אונ ה' איז פינף. ששי איז דער זעקסטער. דאס ווייזט אויף די פינף ספרים פון דער תורה וואס זענען גיגעבין גיוואָרען דעם זעקסטין טאג אין סיון:

מתז מיתיבי. פרעגט דיא גמרא עס שטייט אין פסוק ווער וואלט געבין זייערע הערצער זאלין אזוי זיין זייא זאלען פאר מיר מורא האבין אייביג. גאט האט גיזאגט. צו נעמען דעם מלאך המות פון זייא. זייא זאלין ניט שטארבין. דאס קען מען ניט. ווארום עס איז שוין איין מאהל אויף זייא נגזר גיוואָרען. זייא זאלען שטארבען. דיא יודין האבין נאר גינומען דיא תורה זייא זאלען נישט מער זיין אין גלות. עס זאל אויף זייא קיין פאלק ניט גיוועלטיגען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס זאל גוט זיין צוא זייא אונ צו זייערע קינדער אייביג. זעהן מיר דאך אז אפילו דיא יודען וואלטען ניט זינדיגען וואלטען זייא אויך שטארבען. ענטפערט דיא גמרא ריש לקיש זאגט אזוי וויא דער תנא. ווארום מיר האבען גילערונט רבי יוסי זאגט די יודין האבען מער ניט גינומען דיא תורה נאר דערי מלאך המות זאל אויף זייא ניט גיוועלטיגען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך האב גיזאגט איהר וועט זיין אזוי וויא דיא מלאכים. איהר האט פאר דארבין אייערע מעשים דריבער וועט איהר שטארבין אזוי וויא מענטשין. אבער אז זיי וואלטען ניט גענזינדיגט וואלטען זייא נישט גישטארבען. פרעגט דיא גמרא וויא אזוי זאגט רבי יוסי אז יודען האבען גינומען דיא תורה זייא זאלען ניט שטארבען. עס שטייט דאך אין פסוק עס זאל גוט זיין צו זייא אונ צו זייערע קינדער אויף אייביג. גוט וועט זייא זיין אבער שטארבין וועלין זייא. זאגט דיא גמרא רבי יוסי וועט דיר ענטפערן אז מען זאגט עס וועט גוט זיין מיינט מען מען וועט ניט שטארבין. ווארום וואס קען דען זיין אגרעסערע טובה וויא ניט שטארבין. פרעגט דיא גמרא דער ערשטער תנא וואס זאגט ווען יודען האבען גינומען דיא תורה האט מען זיי נאר צו גיזאגט עס זאל זייא גוט זיין. אבער שטארבין וועלין זייא. פאר וואס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט איהר האט גענזינדיגט וועט איהר שטארבען וויא אלע מענטשין. אז זיי וואלטען

כתיב למען ייטב להם ולבניהם לעולם טובה הוא דהויא לעולם הא מיתה איכא אמר לך כיון דליכא מיתה אין לך טובה גדולה מזו ות"ק הא כתיב אבן' באדם תמותון מאי מיתה עניות דאמר מר ארבעה השובים כמתים עני ומצורע וסומא ומי שאין לו בנים עני דכתיב (שמות ד) כי מתו כל האנשים המבקשים את נפשך ומאן נינהו דתן ואבירם והא חיו כיון שירדו מנכסיהן עשאן הכתוב כמתים. מצורע דכתיב (במדבר יב) אל נא תהי כמת. סומא דכתיב (איכה ג) במחשכים הושיבני כמתי עולם. מי שאין לו בנים דכתיב (בראשית ל) הבה לי בנים ואם אין מתה אנכי :

שמתהפכו שלשה בתים מלכיות שמכלים את ממונו כל היום בוזזים לאכול : דתן ואבירם. דאמר מר כל מקום שנאמר נצים נצבים אינו אלא דתן ואבירם והכא במבקשי נפשו כתיב נצים והיינו אנשים עברים שהלשינו עליו :

כפויי טובה. אינם מכירים הטובה להחזיק לבעליה: בלחם הקלקל. קל סוף המן ומפני שהיה נבלע בכל אבריהם ואינם יוצאים לחוץ קראוהו קלוקל ורגנו על כך והיא היתה להם טובה גדולה שלא היו צריכין לטרוח ולילך ג' פרסאות להפנות כדתניא כשהיו נפנין אין נפנין לא לצדדים ולא לפניהם אלא לאחריהם ומחנה ישראל שלשה פרסאות היה :

ת"ר (דברים ה) מי יתן והיה לבבם זה להם אמר משה לישראל כפויי טובה בני כפויי טובה בשעה שאמר הקב"ה לישראל מי יתן והיה לבבם זה להם היה לכם לומר תן לנו אתה כפויי טובה הם דכתיב (במדבר כא) ונפשנו קצה (ע"כ) בלחם הקלקל. בני

ניט געזינדיגט וואלטען זייא דאך אויך געשטארבין : ענטפערט דיא גמרא מען מיינט ניט שטארבען. נאר מען מיינט ארעם ווערין. אז זייא וועלין זינדיגען וועלין זייא ארעם ווערין. ווארום דער תנא האט גיזאגט פיר ערלייא מענטשין זענען אזוי וויא טויטע. ארעמע אונ קרעציגע אונ בלינדע אונ דיא וואס האבין ניט-קיין קינדער. פון וואנען ווייסין מיר אז אארעם מאן איז גלייך וויא אטויטער. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט צו משה די אלע מענטשין וואס האבען גיוואלט מען זאל דיך הרגנן זענען גישטארבין. ווער זענען גיוועזן דיא מענטשין וואס האבין גיוואלט מען זאל משה הרגנן. דאס איז גיוועזן דתן אונ אבירם. איז דאך אקשיא זייא האבין דאך גילעבט אין דער צייט אונ נאך אלאנגע צייט שפעטער אויך. נאר ווייל זייא זענען גיווארען ארעמע לייט. רעכענט זייא דער פסוק פאר טויטע. פון וואנען ווייסין מיר אז אקרעציגער איז גלייך וויא אטויטער. ווארום עס שטייט אין פסוק ווען מרים איז קרעציג גיווארין. האט אהרן גיזאגט צו משה זיא זאל ניט זיין אזוי וויא אטויטע. פון וואנען ווייסין מיר אז אבלינדער איז גלייך וויא אטויטער. ווארום עס שטייט אין פסוק ער האט מיך גיזעצט אין דער פינסטער אזוי וויא דיא טויטע. פון וואנען ווייסין מיר אז דער וואס האט ניט-קיין קינדער איז גלייך וויא אטויטער. ווארום עס שטייט אין פסוק רחל האט גיזאגט צו יעקב גיב מיר קינדער אונ אויב ניט בין איך ווי אגישטארבענע :

תנו רבנן. דיא רבנן האבין גילערנט עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט ווער וואלט געבין דיא יודען זאלען אלע מאהל האבין אזוי אגוטע הארץ וויא היינט. האט משה גיזאגט צו דיא יודען איהר פאר לייקנט אטובה אונ איהר זענט קינדער פון אזעלכע מענטשין וואס זייא פאר לייקענען אויך אטובה. ווען גאט האט גיזאגט צו אייך יודען ווער וואלט געבין דיא יודען זאלען אלע מאהל האבין אזוי אגוט הארץ וויא היינט. האט איהר גידארפט זאגין צו גאט גיב אונז דו מיר זאלען האבין אגוט הארץ. פון וואנען ווייסין מיר אז די יודען פארלייקענען אטובה. ווארום עס שטייט אין פסוק אונ אונזערע נפשות פאר מיאוסין דעם גרינגען ברויט ווארום מן איז גיוועזן אגרינגער ברויט ער איז איין גיזאפט גיווארין אין זייערע גלידער אונ זייא האבען ניט גידארפט ארויס גיין. אונ דאס האט גאט גיטאהן פון זייער טובה וועגין. זייא זאלען נישט דארפען ארויס גיין פון דיא גאנצע מחנה וואס זיא איז גיוועזן לאנג דרייא מייל. אונ דיא יודען גיט געזונג וואס זייא האבין ניט בקענט דיא טובה : נאך זענען זייא ביוז גיוועזן אויף גאט פאר וואס ער האט זייא גיגעבין דעם מן. אונ זייערע עלטערין האבין אויך פארלייקנט דיא

בני כפויי טובה דכתיב (ב־אשית ג) האשה אשר נתתה עמדי וגו' אף משה רבינו לא רמזה להם לישראל אלא לאחר ארבעים שנה שנאמר (דברים כט) ואולך אתכם ארבעים שנה במדבר וגו' וכתיב (שם) ולא נתן ה' לכם לב לדעת אמר (רבא) [רבה] ש"מ לא קאים אינש אדעתא דרביה עד ארבעין שנין:

(שם ע"א) **יח** ת"ר (ויקרא כו) אם בחקותי תלכו אין אם אלא לשון בקשה וכן הוא אומר (תהלים פא) לו עמי שומע לי ישראל בדרכי יהלכו כמעט אויביהם אכניע וגו' ואומר (ישעיה מח) לוא הקשבת למצותי ויהי כנהר שלומך וגו':

האשה אשר נתתה עמדי. לשון נגאי שתלה הקלקול במתנתו של מקום וכפה טובה שנתנה לו לעזר: לא רמזה. לתוכחה זו אלא לארבעים שנה במשנה תורה בערבות מואב אמר להם ולא נתן לכם לב לדעת שהייו יודעים לשאול למה היה הקב"ה מבקש מכם אלמא אף משה רבינו לא הבין לתת על לבו דבר זה עד ארבעים שנה: לא קאי איניש אדעתא דרביה. לדעת סוף חכמתו עד מ' שנה שהרי משה לא רמזה לישראל עד ארבעים שנה:

וכן הוא אומר. שהקב"ה מתחנן לפניהם שישמרו את התורה: לו עמי. היינו תחנה כמו לו יהי כדברך:

משלחי רגל. משלחים ומשליכים רגלי יצה"ר הבא על האדם מעליהם. יצה"ר קרוי הלך שנאמר ויבא הלך לאיש העשיר:

(ע"ב) **יט** אמר רבי יוחנן משום רבי בנאה מאי דכתיב (ישעיה לב) אשריכם זורעי על כל מים משלחי רגל השור והחמור אשריהם ישראל שבזמן שהם עוסקים בתורה ובגמילות חסדים יצרם מסור בידם ולא הם מסורים ביד יצרם שנאמר אשריכם

טוֹבָה: וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פְּסוּק אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט גִיזָאגְט צוּא גָאט דִיא וַוייבּ וָואס דוּא הָאסְט מִיר גִיגֶעבִּין זִיא הָאט מִיר גִיגֶעבִּין פוּן עֵץ הַדַעַת הָאבּ אִיךְ גִיגֶעסִין וֶוען דוּא וָואלְסְט מִיר נִיט גִיגֶעבִּין דָאס וַוייבּ וָואלְט אִיךְ נִיט גֶעזִינְדִיגְט]. אוּנ גָאט הָאט אִיהם גִיגֶעבִּין דִיא וַוייבּ פוּן זַיין טוֹבָה וֶועגִין. אוּנ עֶר הָאט נִיט בַּקֶענְט דִיא טוֹבָה. אוּנ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נִיט דֶר מָאנְט דִיא יוּדִין [פַאר וָואס זֵיי הָאבִּין נִיט גִיזָאגְט צוּ גָאט גִיבּ דוּא אוּנְז אַגוּט הַארְץ] בִּיז נָאךְ פֶערְצִיג יָאהר. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פְּסוּק מֹשֶׁה הָאט גִיזָאגְט צוּ דִיא יוּדֶען אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעפִירְט פֶערְצִיג יָאהר אִין דֶער מִדְבָּר אוּנ גָאט הָאט נִיט גִיגֶעבִּין צוּ אַייךְ אַהַארְץ צוּ וִויסֶען [פַאר וָואס הָאט גָאט גִיזָאגְט צוּ אַייךְ וֶוער וָואלְט גֶעבִּין אִיהר זָאלְט הָאבִּין אַגוּט הַארְץ]. אִיהר זָאלְט עֶנפֶערֶען גִיבּ דוּא. אוּנ דָאס הָאט אִיהר נִיט פַארְשְׁטַאנֶען. אוּנ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוֹיךְ נִיט פַר שְׁטַאנֶען וָואס גָאט הָאט גִימֵיינְט. בִּיז אִיצְט נָאךְ פֶערְצִיג יָאהר הָאט זִיךְ מֹשֶׁה דֶער מָאנְט וָואס גָאט הָאט גִיזָאגְט פַאר פֶערְצִיג יָאהר פְרִיֶער וֶוער וָואלְט גֶעבִּין דִיא יוּדֶען זָאלֶען הָאבֶּען אַגוּט הַארְץ אֵייבִּיג. הָאט גָאט גִימֵיינְט דִי יוּדֶען זָאלֶען עֶנְפֶערִין גִיבּ דוּא. הָאט רַבָּה גִיזָאגְט פוּן דַאנֶען וֵייסֶען מִיר אַז עֶס קֶען אַמָאהל אַוֶועק גֵיין פֶערְצִיג יָאהר בִּיז דֶער תַּלְמִיד זָאל וִויסֶען וָואס דֶר רֶבִּי הָאט גִיזָאגְט:

יח תָּנוּ רַבָּנָן. דִיא רַבָּנָן הָאבִּין גִילֶערְנְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִם בְּחֻקּוֹתַי תֵּלֵכוּ. דֶער וָוארְט אִם אִיז דֶער טַייטְשׁ בֶּעטִין. גָאט הָאט גִיזָאגְט צוּ דִיא יוּדֶען אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיהר זָאלְט גֵיין אִין מַיינֶע חוּקִים. מִיר גֶעפִינֶען נָאךְ אַמָאהל אַז גָאט בֶּעט דִיא יוּדֶען זֵייא זָאלֶען זַיין פְרוּם: אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק הַלְוַאי זָאל מַיין פָאלְק מִיךְ צוּ הֶערִין הַלְוַאי וָואלְטֶען דִיא יוּדֶען גֵיין אִין מַיינֶע וֶועגִין דָאס קְלֶענְסְטֶע טוֹבָה וָואלְט גִיוֶוען וָואס אִיךְ וָואלְט אוּנְטֶערְטֶענִיג מַאכֶען זֵייעֶרֶע פַיינְד. נָאךְ זָאגְט דֶער פָּסוּק הַלְוַאי וָואלְסְטוּ פַאר נוּמֶען מַיינֶע גִיבָּאט וֶועט זַיין דַיין פְרִידֶען אַזוֹי וִויא דֶער טַייךְ. אַזוֹי וִויא דֶער קְוַואל הֶערְט נִיט אוֹיף צוּ גֶעבִּין זַיינֶע וַואסֶער. אַזוֹי וָואלְט נִיט אוֹיפְהֶערִין דַיין פְרִידֶען:

יט אָמַר. רַבִּי יוֹחָנָן הָאט גִיזָאגְט פוּן רַבִּי בְּנָאָהם וֶועגִין עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק ווֹאוֹהל צוּ אַייךְ וָואס אִיר זֵייעֶט אוֹיף אַלֶע וואסֶער זֵייא שִׁיקֶען דִיא פִיס פוּן אָקְס אוּנ פוּן אֵייזִיל. ווֹאוֹהל צוּ דִיא יוּדֶען וֶוען זֵייא לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּנ טוּעֶן גְמִלוּת חֲסָדִים אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע אִיבֶּער גִיגֶעבִּין אִין זֵייעֶר הַאנְט אוּנ נִיט זֵייא זֶענֶען אִיבֶּער גִיגֶעבֶּן אִין דִיא הַאנְט פוּן יֵצֶר הָרָע. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק פַאר זֵייעֶט צוּ אַייךְ אוֹיף צְדָקָה [אַזוֹי וִויא אַמֶענְטְשׁ פַאר זֵייעֶט אַקַארְץ קָארִין וֶועט

אשריכם זורעי על כל מים ואין זריעה אלא צדקה שנאמר (הושע י) זרעו לכם לצדקה ואין מים אלא תורה שנאמר (ישעיה נה) הוי כל צמא לכו למים משלחי רגל השור והחמור. תנא דבי אליהו לעולם ישים אדם עצמו על דברי תורה כשור לעול וכחמור למשאוי:

וכולן שחזרו. לגזלנין ועמי הארץ קאי: אין מקבלין אותן. להחזיק בתורת חברות לסמוך

(דף ז) **כ תנו** רבנן הנשאל לחכם וטמא לא ישאל לחכם ויטהר לחכם ואסר לא ישאל לחכם ויתיר היו שנים אחד מטמא ואחד מטהר אחד אוסר ואחד מתיר אם היה אחד מהם גדול מחברו בחכמה ובמנין הלך אחריו ואם לאו הלך אחר המחמיר. ר' יהושע בן קרחה אומר בשל תורה הלך אחר המחמיר בשל סופרים הלך אחר המיקל:

כא תנו רבנן וכולן שחזרו בהן אין מקבלין אותן עולמית דברי רבי מאיר רבי יהודה אומר חזרו בהן במטמוניות אין מקבלין אותן בפרהסיא מקבלין אותן

א"ד

דאך פון דעם קארץ ארויס וואקסען פיל קארץ. אונ מען זאל דיא פיל קארץ פאר זייען וועט ארויס וואקסען נאך פיל אונ פיל תבואה. ביי צדקה איז אויך אזוי. אמענטש גיט צו אארעם מאן אגילדין צדקה האט ער דעם ארעם מאן מיט זיין ווייב אונ קינדער דער האלטען ביי זייער לעבין. רעכענט מען ניט דעם גילדין וואס ער האט גיגעבען. נאר מען רעכונט ער הט לעבעדיג גימאכט נפשות. אונ דיא נפשות האבען גיבארען נאך נפשות. אונ אזוי וויטער ביז אייביג אונ דאס ווערט ארץ גירעכונט אויף זיין נאמען. אונ וואסער מיינט מען התורה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אלע דארשטיגע זאלען גיין צום וואסער. דער וואס איז דארשטיג צו דינען גאט זאל ער לערנען תורה. דיא תורה אונ דיא צדקה שיקען אוועק פון דעם מענטשין דיא פיס פון דעם אקס אונ פון דעם אייזיל. דאס מיינט מען דעם יצר הרע. וואס ער פאר שטאפט דעם שכל פון דעם מענטשער זאל לעבין אויף דער וועלט אזוי וויא אאקס אונ אזוי וויא אאייזיל. אין דעם ספר תנא רבי אליהו שטייט אמענטש זאל אויף זיך ארויף נעמען די משא פון דער תורה אזוי ווי דער אקס טראגט אויף זיך דעם יאך פון האקער. אונ אזוי ווי דער אייזיל טראגט אויף זיך די משא פון די סחורה:

כ תנו רבנן. די רבנן האבען גילערונט אז איינער פרעגט אשאלה ביי אמורה הוראה. אונ דער מורה הוראה זאגט דיא זאך איז טמא. טאר ער ניט גיין פרעגין די זעלביגע שאלה צו איין אנדער מורה הוראה טאמער וועט ער זאגן עס איז טהור. אדער ער האט גיפרעגט אשאלה ביי אמורה הוראה אונ ער האט גזאגט עס איז אסור. טאר ער ניט גיין פרעגין דיא זעלביגע שאלה צו איין אנדער מורה הוראה טאמער וועט ער זאגן עס איז מותר. אויב איינער איז געקומען פרעגין אשאלה אונ עס זענען גיזעסן צוויי מורה הוראות. איינער האט גזאגט די זאך איז טמא אונ איינער האט גזאגט די זאך איז טהור. אדער איינער האט גזאגט דיא זאך איז אסור אונ איינער הט גזאגט די זאך איז מותר. אויב איינער איז גיוועזן גרעסער פאר דעם אנדערין מיט חכמה אונ מיט מער תלמידים. זאל מען פסקנן וויא ער. אונ אויב זייא זענען גיוועזן ביידע גלייך אין חכמה אונ אין תלמידים זאל מען פסקנן וויא דער וואס זאגט טמא אונ אסור. רבי יהושע בן קרחה זאגט אויב זיי קריגען אין אדין וואס שטייט אין דער תורה. זאל מען פסקנן ווי דער וואס זאגט מען טאר ניט. אונ אויב זיי קריגען אין אדין וואס די רבנן האבען גזאגט. זאל מען פסקנן ווי דער וואס זאגט מען מעג:

כא תנו רבנן. די רבנן האבען גילערונט גזלנים אונ עמי הארצים וואס פלעגין ניט געבין תרומה אונ מעשרות. אונ זייא האבען תשובה גיטאהן. דער נאך איז ער צוריק גיווארן אגזלן אונ דער עם הארץ וויל שוין נאך אמאהל ניט געבין תרומה אונ מעשר. אז זיי ווילען נאך אמאהל תשובה טאהן. נעמט מען זייא שוין ניט אן פאר פרום אונ מען גלויבט זיי ניט. אזוי זאגט רבי מאיר. רבי יהודה זאגט אויב זיי טוהען תשובה פאר זיך אין דער שטיל. נעמט מען

א"ד עשו דבריהם במטמוניות מקבלין אותן בפרהסיא (ע"ב) אין מקבלין אותן ר"ש ור' יהושע בן קרחה אומרים בין כך ובין כך מקבלים שנאמר (ירמיה ג) שובו בנים שובבים א"ר יצחק איש כפר עכו א"ר יוחנן הלכתא כג ותו הזוג :

כב תניא ר' אליעזר אומר שואל אדם צרכיו ואח"כ יתפלל שנאמר (תהלים קב) תפלה לעני כי יעטוף ולפני ה' ישפוך שיחו וגו' ואין שיחה אלא תפלה שנאמר (בראשית כד) ויצא יצחק לשוח בשדה , ר' יהושע אומר יתפלל ואח"כ ישאל צרכיו שנאמר (תהלים קמב) אשפוך לפניו שיחי צרתי לפניו אגיד . ור' אליעזר נמי הכתיב אשפוך לפניו שיחי ה"ק אשפוך לפניו שיחי בזמן שצרתי לפניו אגיד , ור' יהושע נמי הכתיב תפלה לעני כי יעטוף ה"ק אימתי תפלה לעני בזמן שלפני ה' ישפוך שיחו . ככדי קראי לא כמר דייקי ולא כמר דייקי במאי קמיפלגי כדדרש ר' שמלאי דדרש ר' שמלאי לעולם יסדר אדם שבחו של מקום

עליהם : עשו דבריהם . נסתר עבירות שבידן שעברו עד הנה : בפרהסיא . הואיל ופקרו כ"כ שוב אין מחפין לבן לשוב בתשובה שלמה : שובבים . משמע מזידים ופרהסיא לשון מרד וגאוה כמו וילך שובב בדרך לבו :

ואח"כ יתפלל . י"ח : כי יעטוף . עטיפת נפשו ודאגת לבו יתפלל תחלה והדר לפני ה' ישפוך שיחו שמונה עשרה . עטיפה לשון כאב ופריחת לב מתוך צרה כמו בהתעטפם כחלל : לשוח בשדה . תפלת המנחה תיקן . בפרק תפלת השחר : בזמן שצרתי לפניו אגיד . כבר קודם לכן : לא כמר דייק וכו' . דלא איכא לשנויי הכי והכי : יסדר

ניט אן זייער תשובה ׃ אבער אז זייא זענען זיך מתודה פאר אלע מענטשין אויף זייערע עבירות אונ טוהען תשובה ׃ נעמט מען אן זייער תשובה ׃ אונ מען גלויבט זייא . אנדערע זאגן אזוי האט רבי יהודה גזאגט אויב זייא האבען גיטאהן זייערע עבירות אין דער שטיל , נעמט מען אן זייער תשובה . אבער אז זייא האבען גיטאהן זייערע עבירות עפענטליך פאר אלע מענטשין . נעמט מען ניט אן זייער תשובה . רבי שמעון אונ רבי יהושע בן קרחה זאגן וויא זייא האבען גיטאהן האבען זייא גיטאהן אונ אז זייא טוהען תשובה נעמט מען זיי אן . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שובו בנים שובבים ׃ טוהט תשובה איר ווילדע קינדער וועל איך אייך ברייגגען אין ציון . זעהן מיר עס איז אלץ איינס וויא זייא האבען געזינדיגט . אז מען טוהט נאר תשובה איז גוט . רבי יצחק פון דארף עכו האט גזאגט פון רבי יוחננס וועגין דער דין איז ווי די פאר . וויא רבי שמעון אונ רבי יהושע בן קרחה :

כב תניא ׃ מיר האבען גילערנט רבי אליעזר זאגט פריער זאל א מענטש בעטין פון גאט זיינע בדערפעניש . וואס ער דארף דעם טאג . דער נאך זאל ער דאווענען שמונה עשרה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק תפלה לעני כי יעטוף ולפני ה ישפוך שיחו . דער ארעם מאן וואס איז פאר וויקולט אין זיינע צרות . זאל ער פריער בעטין אויף זיינע צרות גאט זאל איהם פון זיי העלפין . דער נאך וועט ער דאווענען שמונה עשרה וואס דס איז דיא גיוויינליכע תפלה כון אלע טאג . ווארום שיחה איז דער טייטש תפלה אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ויצא יצחק לשוח בשדה . יצחק איז ארויס גיגאנגען אין פעלד צו מתפלל זיין . רבי יהושע זאגט פר קערט דארף זיין פריער זאל מען דאוונן שמונה עשרה . דער נאך זאל ער בעטין וואס ער דארף . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אשפוך לפניו שיחי וצרתי לפניו אגיד . פריער פר גיס איך פר גאט מיין גיוויינליכע תפלה . דער נאך זאג איך פאר אים מיינע צרות . רבי אליעזר זאגט אזוי מיינט דער פסוק אשפוך לפניו שיחי . איך פאר גים פאר גאט מיין גיוויינליכע תפלה . שמונה עשרה . בזמן שצרתי לפניו אגיד ווען איך האב שוין פריער פאר שמונה עשרה גזאגט פאר גאט מיינע צרות . רבי יהושע זאגט אזוי מיינט דער פסוק תפלה לעני כי יעטוף ווען זאל דער ארעם מאן בעטין אויף זיינע צרות וואס ער איז אין זיי איין געוויקולט . בזמן שלפני ה' ישפוך שיחו . ווען ער האט שוין פריער פאר גאט פאר גאסען זיין געוויינליכע תפלה . שמונה עשרה . פרעגט די גמרא אז פון די פסוקים קען מען ניט וויסען ניט וויא רבי אליעזר ניט וויא רבי יהושע . אין וואס קריגען זיי . ענטפערט דיא גמרא זיי קריגען אזוי וויא רבי שמלאי האט גידרשת . ווארום רבי שמלאי האט גידרשת

מקום ואח"כ יתפלל מנ"ל ממשה רבינו דכתיב (דברים ג) ה' אלהים אתה החלות וגו' וכתיב בתריה אעברה נא וגו' ר' יהושע סבר ילפינן ממשה ור' אליעזר סבר לא ילפינן ממשה שאני משה דרב גובריה:

(דף ה) **כג תנו** רבנן כיון שראה אדם הראשון היום שמתמעט והולך אמר אוי לי שמא בשביל שסרחתי עולם השך בעדי וחוזר לתהו ובהו וזו היא מיתה שנקנסה עלי מן השמים ישב ח ימים בתענית ובתפלה כיון שנפלה תקופת טבת וראה יום שמאריך והולך אמר מנהגו של עולם הוא עמד ועשה שמונה ימים י"ט לשנה אחרת עשאן אלו ואלו י"ט הוא קבעם לשמים והם קבעום לע"ז. בשלמא למ"ד בתשרי נברא העולם יומא זוטי חזא ליה יומי אריכי אכתי לא חזא אלא למ"ד בניסן נברא

פירוש:

אדם בשבחו של הקב"ה. שלשה ברכות ראשונות אבות גבורות קדושת ה' שאין בהן תפלה אלא שבח ואח"כ בשאר ברכות יש דברי תחנה ותפלה: ר' יהושע סבר ילפינן ממשה. להקדים שבח תחלה הלכך יתפלל י"ח הללו דאיכא שבח בתחלתן: דרב גובריה. גדולת מעשיו וחכמתו רבה ולא לן לשנה ולהעדיף בשבחו של מלך מלכי המלכים אבל איכא בעלמא מיחזי כיוהרא:

יום שמתמעט והולך. מתשרי ועד טבת: לא חזי ליה יומי אריכי. ביום תקופת תמוז (לפניו ולאחריו ויומי זוטרי בתחלת תקופת ניסן וסוף תקופת תמוז) והיה לו לידע שמנהגו של עולם

פְרִיעֶר זָאל אַמֶענְטְש זָאגֶען דִיא לוֹיבּ פוּן גָאט נאַזוֹי וִויא מִיר זָאגֶען דִי עֶרְשְׁטֶע דְרַייא בְּרָכוֹת פוּן שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה. וָואס אִין זֵייא אִיז נִיטָא קַיין גִיבֶּעט נָאר אַלוֹיבּ צוּ גָאט] · דֶער נָאךְ זָאל עֶר בֶּעטִין פוּן גָאט וָואס עֶר דַארְף. דָאס וַוייסֶען מִיר פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מֹשֶׁה הָאט גִזָאגְט ה' אֱלֹהִים אַתָּה הַחִלּוֹתָ [גָאט דוּא הָאסְט אָן גִיהוֹיבֶּען צוּא וַוייזֶען דַיין קְנֶעכְט דַיין גְרוֹיסְקֵייט אוּנ דַיין שְׁטַארְקֶע הַאנְט וֶוער אִיז נָאךְ אַגָאט אִין הִימֶעל אוּנ אוֹיף דִיא עֶרְד וָואס עֶר זָאל טָאהן אַזוֹי וִויא דוּא דָאסְט גִיטָאהן אוּנ אַזוֹי וִויא דַיינֶע שְׁטַארְקַייט] · דֶער נָאךְ הָאט עֶר גִיבֶּעטֶען זַיין תְּפִלָּה עֶר זָאל אַרִיבֶּער גֵיין דֶעם יַרְדֵן. רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ זָאגְט מִיר דַארְפֶען אָפּ לֶערְנֶען פוּן מֹשֶׁה. פְרִיעֶר זָאלֶען מִיר דַאוונֶען שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה. וָואס דָארְט שְׁטֵייט דִיא לוֹיבּ פוּן גָאט · דֶער נָאךְ זָאל מֶען בֶּעטִין וָואס מֶען דַארְף. אוּנ רַבִּי אֱלִיעֶזֶר הַאלְט מִיר לֶערְנֶען נִיט אָפּ פוּן מֹשֶׁה. דֶער כֹּחַ פוּן מֹשֶׁה אִיז גִיוֶועֶן גְרוֹיס. דְרִיבֶּער אִיז פַאר גָאט שֵׁיין גִיוֶועֶן צוּא הֶערִין דִי לוֹיבּ פוּן מֹשֶׁה. אוּנ מֹשֶׁה הָאט גֶעווָאוּסְט וִויא אַזוֹי צוּ לוֹיבֶּען גָאט. אָבֶּער אַיין אַנְדֶער מֶענְטְשׁ אַז עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ לוֹיבֶּען גָאט אִיז דָס נָאר אַגְרוֹיסְקֵייט פוּן אִים. דְרִיבֶּער זָאל אַמֶענְטְשׁ בֶּעטִין בַּיי גָאט וָואס עֶר דַארְף אָן אִיהם צוּ לוֹיבֶּען פְרִיעֶר:

כג תָּנוּ רַבָּנָן. דִיא רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערְנְט וִויא אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט גִיזֶעהֶן אַז דִיא טֶעג וֶוערִין אַלֶע מָאהל קְלֶענֶער. הָאט עֶר גִזָאגְט וַויי צוּ מִיר טָאמֶער וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט וֶוערְט דִיא וֶועלְט אַלֶע מָאהל פִינְסְטֶערֶער בִּיז זִיא וֶועט וֶוערִין גָאר וִויסְט. אוּנ דָאס אִיז דֶער טוֹיט וָואס עֶס אִיז אוֹיף מִיר גִיקְנָסְט גִיוָוארֶן פוּן הִימֶעל. הָט עֶר אַכְט טֶעג גִיפַאסְט אוּנ גִיבֶּעטֶען בַּיי גָאט עֶר זָאל אִיהם מוֹחֵל זַיין דִי עֲבֵירָה. וויא עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִיא תְּקוּפָה פוּן טֵבֵת. אוּנ עֶר הָאט גִיזֶעהֶן דִיא טֶעג הֵייבֶּען אָן גְרֶעסֶער צוּ וֶוערִין. הָאט עֶר גִזָאגְט דֶער פִירוּנְג פוּן דֶער וֶועלְט אִיז אַזוֹי דִיא טֶעג זָאל וֶוערִין גְרֶעסֶער אוּנ קְלֶענֶער. הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַכְט טֶעג יוֹם טוֹב. אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין יָאהר הָאט עֶר גִימַאכְט יוֹם טוֹב אַכְט טָאג פַאר דִי תְּקוּפָה דִי טֶעג וָוס עֶר הָאט אִין זֵייא גִיפַאסְט. אוּנ אַכְט טָאג נָאךְ דִי תְּקוּפָה הָט עֶר אוֹיךְ גֶעמַאכְט יוֹם טוֹב. אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט גֶעמַאכְט דִיא זֶעכְצֶעהן טֶעג יוֹם טוֹב צוּא גָאט. אוּנ דִיא פֶעלְקֶער מַאכֶען דֶעם יוֹם טוֹב צוּא דִיא עֲבוֹדָה זָרָה. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא נָאךְ דֶעם תַּנָּא וָואס זָאגְט דִיא וֶועלְט אִיז בַּשַאפֶען גִיוָוארֶען אִין תִּשְׁרֵי. אִיז דָאךְ אָדָם הָרִאשׁוֹן בַּשַאפֶען גִיוָוארֶען אִין דֶער צַייט וֶוס דִי טֶעג וֶוערִין קְלֶענֶער. הָאט עֶר נָאר גִיזֶעהֶן דִיא טֶעג קְלֶענֶער וֶוערִין אָבֶּער גְרֶעסֶער וֶוערִין הָאט עֶר נָאךְ נִיט גִיזֶעהֶן. דְרִיבֶּער הָאט עֶר מוֹרָא גִיהַאט. אָבֶּער נָאךְ דֶעם וָואס זָאגְט דִיא וֶועלְט אִיז בַּשַאפֶען גִיוָוארֶען אִין נִיסָן. אִיז עֶר דָאךְ בַּשַאפֶען גִיוָוארֶען צוּא דֶער צַייט וֶוען דִיא טֶעג וֶוערִין גְרֶעסֶער. הָאט עֶר דָאךְ גִיזֶעהֶן טֶעג וָואס זֶענֶען קְלֵיין אוּנ וֶוערִין גְרֶעסֶער. אוּנ טֶעג וָוס

נברא העולם הא חזא ליה יומי זוטי ויומי אריכי יהוו זוטי כולי האי לא חזא . ת"ר יום שנברא בו אדם הראשון כיון ששקעה עליו חמה אמר אוי לי שמא בשביל שסרחתי עולם חשך בעדי וחוזר לתהו ובהו וזו היא מיתה שנקנסה עלי מן השמים היה יושב בתענית ובוכה כל הלילה וחוה בוכה כנגדו וכיון שעלה עמוד השחר אמר מנהגו של עולם הוא עמד והקריב שור שקרניו קודמות לפרסותיו שנאמר (תהלים סט) ותיטב לה' משור פר מקרין מפרים ברישא מקרין והדר מפרים . אמר רב יהודה אמר שמואל שור שהקריב אדם הראשון קרן אחת היתה לו במצחו שנאמר מקרין מפרים מקרין תרי משמע אמר רב נחמן בר יצחק מקרן כתיב :

שור: שקרנותיו קודמות לפרסותיו. דאמר מר כל מעשה בראשית בקומתן נבראו שור עם קרניו מגודלים כיון שיצא ראשו תחלה נמצאו קרנותיו קודמות לפרסותיו : ותיטב לה' משור פר. כך אמר דוד ותיטב לה' תפלתי משור שביום שהיה שור דהיינו אותו יום שנולד כדכתיב שור או כשב וגו' היה עשוי ונגמר כפר שהוא בן שלש שאפילו מקרניו לא חסר (כדמפרש מקרין והדר מפרים) : מפריס. כלומר בלא כוונה דאין שמים על לב :

כד תניא רבי ישמעאל אומר ישראל שבחוצה לארץ עובדי ע"ז בטהרה הם כיצד עכו"ם שעשה משתה לבנו וזימן כל היהודים שבעירו אע"פ שאוכלין משלהם ושותין משלהם ושמש שלהם עומד לפניהם מעלה עליהם הכתוב כאלו אכלו מזבחי

זענען גרויס און ווערין קלענער . האט ער דאך גידארפט פאר שטיין אז דער פירונג פון דער וועלט איז אזוי . ענפערט די גמרא אזעלכע קליינע טעג וויא אין תקופת טבת איז האט ער נאך ניט גיזעהן . דריבער האט ער גימיינט אז דיא זוהן וועט שוין אין גאנצען אונטער גיין דורך זיין עבירה :

דיא רבנן האבען גילערנט אין דעם טאג וואס אדם הראשון איז בשאפען גיווארען : ווי דיא זוהן איז אונטער גיגאנגען . האט ער גזאגט וויי צו מיר טאמער ווייל איך האב געזינדיגט דריבער ווערט דיא וועלט פינסטער און זיא וועט צוריק וויסט ווערין . און דאס איז מיין טויט וואס מען האט אויף מיר גיקנסת פון הימעל . האט ער געפאסט און געוויינט אגאנצע נאכט און חוה איז גיזעסן אקעגין איהם און האט אויך געוויינט . וויא דער מארגען שטערין איז אויף גיגאנגען און עס איז ליכטיג גיווארן . האט אדם גזאגט דער פירונג פון דער וועלט איז אזוי עס זאל ווערין ליכטיג און פינסטער . האט ער מקריב גיוועזן אקרבן אזוי אאקס וואס זיינע הערנער זענען ניזעהן גיווארן פריער וויא זיינע קלאען ווארום ווען גאט האט גזאגט אז בהמות זאלען ארויס גיין פון דער ערד . איז ארויס גיגאנגען פון דער ערד אאקס . זענען דאך ארויס געקומען פריער דיא הערנער דער נאך דיא קלאען . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט גזאגט מיין תפלה זאל זיין ביי גאט בעסער פון דעם קרבן וואס מען האט מקריב גיוועזן דעם אקס וואס פריער זענען גיזעהן גיווארן זיינע הערנער דער נאך זיינע קלאען . רב יהודה האט גזאגט פון שמואלס וועגין דער אקס וואס אדם הראשון האט אים מקריב גיוועזן האט ער גיהאט נאר איין הארין אויף זיין שטערין . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מקרין מפרים . פרעגט דיא גמרא מקרין מיינט מען דאך צוויי הערנער . האט רב נחמן בר יצחק גזאגט עס שטייט מקרן אן איו"ד . מיינט מען נאר איין הארין :

כד תניא . מיר האבען גילערנט רבי ישמעאל זאגט דיא יודען וואס וואוהנען אין חוצה לארץ . זייא דינען עבודה זרה . נאר זייא ווייסען ניט אז זייא דינען עבודה זרה . דהיינו אעכו"ם האט גימאכט אסעודה ווייל ביי איהם איז גיבארען גיווארען אזוהן : אדער זיין זוהן האט חתונה גיהאט . און ער האט גיבעטען אלע יודען פון דיא שטאט זייא זאלען קומען אויף דער סעודה . און זייא זענען גיקומען . אפילו דיא יודען עסען דארט נאר זייערע עסין און זייא טרינקען זייערע משקה . און זייער בדינטער שטייט פאר זייא און בעדינט זייא . פון דעסט וועגין רעכענט אויף זייא דער פסוק גלייך וויא זייא וואלטען גיגעסין דיא פלייש ווס

כזבחי מתים שנאמר (שמות לג) וקרא לך ואכלת מזבחו ואימא עד דאכיל אמר רבא אם כן נימא קרא ואכלת מאי וקרא לך משעת קריאה:

(ע"ב) כה כי אתא רב דימי אמר תלתין ותרין קרבי עבדי רומאי בהדי יונאי ולא יכילו להו רומאי עד דשתפינהו לישראל בהדיהו והכי אתנו בהדייהו אי מינן מלכי מנייכו אפרכי אי מנייכו מלכי מינן אפרכי שלחו להו רומאי ליונאי עד האידנא עבד'נן בקרבא השתא נעבדו בדינא מרגלית ואבן טובה אי זה מהן יעשה בסים לחבירו שלחו להם מרגלית לאבן טובה אבן טובה ואינך איזה כהן יעשה בסים לחברו אבן טובה לאינך. אינך וספר תורה אי זה מהן יעשה בסים לחברו אינך לספר תורה. שלחו להו אם כן אנן ישראל בהדן וס"ת גבן כפו להו, עשרין ושית שנין קמו בהימנותייהו בהדי ישראל (ולא אשתעבדו בהו) מכאן ואילך אשתעבדו בהו. מעיקרא מאי דרוש ולבסוף מאי דרוש מעיקרא דרוש (בראשית לג) ויאמר נסעה ונלכה

וקרא לך. משעה שאתה קרוי לו מעלה אני על אכילתך כאילו הוא מזבחו: עד דשתפינהו. רומאי לישראל בהדייהו: והכי אתנו. רומאי לישראל אי מינן מלכי וכו': מרגלית. איזה החשובה לאבן טובה: בסים. כן למוכר סחורה להוסיף עליה. תרגום כמו בסיסיה: אינך. הוא ספר: כפו להו. רומאי ליונאי: עשרין ושית שנין קמו. רומאי בהימנותייהו דישראל: מעיקרא. כי קמו רומאי בהימנותייהו:

איז געשאכטען געוואָרען צו די עבודה זרה. אַזוי וויא עס שטייט אין פּסוק דער עכו"ם וועט דיך רופען און דוא וועסט עסין פון זיין שעכטונג. פרעגט די גמרא טאָמער מיינט מען טאָקי אַז ער עסט. האָט רבא געזאָגט וואָלט געדאַרפט שטיין אין פּסוק דוא וועסט עסין פון זיין שעכטונג. צו וואָס שטייט דער וואָרט רופען. צו לערנען אונז אַז דער עכו"ם האָט גירופען דעם יודען צו זיין סעודה און דער יוד איז גיקומען. אַפילו ער האָט גיגעסין פון זיין אייגענע פלייש פון דעסטוועגין איז גלייך וויא ער וואָלט גיגעסין די פלייש וואָס איז געשאָכטען געוואָרען צו די עבודה זרה:

כה כי. אַז רב דימי איז גיקומען האָט ער גיזאָגט צוויי און דרייסיג מלחמות האָבין די רוימער גימאַכט מיט די יוָנים. און די רוימער האָבען נישט גיקענט איין נעמען די יונים. ביז די רוימער האָבען גימאַכט שותפות מיט די יודען. און אַזוי האָבען גימאַכט די רוימער מיט די יודען. אויב פון אונז וועלין זיין מלכים. זאָלין זיין פון אייך פירשטען. אויב פון אייך וועלען זיין מלכים. זאָלען זיין פון אונז פירשטען. די רוימער האָבען געשיקט צוא די יונים ביז איצט האָבען מיר מיט אייך גיהאַט מלחמות. איצט וועלין מיר מיט אייך האָבען אמשפּט וועט מען זעהן ווער עס איז גירעכט. אַז איינער האָט אַפּעריל און אַבּריליאַנט. און מען דאַרף אַרויף לייגען איינס אויף דאָס אַנדערע. וועלכעס זאָל ווערען אַפּוס צו דעם אַנדערע. וועלכע זאָל ליגען אונטען. האָבין די יונים געענטפערט דער פּעריל זאָל זיין אַפּוס צוא דעם ברילאַנט. דער ברילאַנט זאָל ליגען אויף דעם פּעריל. ווייל דער ברילאַנט איז טייערער ווי דער פּעריל. האָבען די רוימער נאָך גיפרעגט אַז איינער האָט איין פּראָסטען ברילאַנט און איין ברילאַנט וואָס הייסט אינך. וועלכעס זאָל ווערין אַפּוס צו די אַנדערע. האָבען די יונים גיזאָגט דער אינך זאָל ליגען אויף דעם ברילאַנט: אַז איינער האָט דעם אינך און אַספר תורה פון וועלכעס זאָל ווערין אַפּוס צו די אַנדערע. האָבין די יונים גיזאָגט די ספר תורה זאָל ליגען אויף דעם אינך. האָבען די רוימער געשיקט צו די יונים אויב עס איז אַזוי בייא אונז זענען די יודען און די ספרי תורות זענען ביי אונז. דאַרפט איהר דאָך זיין איין גיבויגען אונטער אונז. זענען די יונים גיוועזען אונטערטעניג ביי די רוימער. זעקס און צוואנציג יאָהר האָבען די רוימער גילעבט גוט מיט די יודען. דער נאָך האָבען זייא גיאַרבעט מיט די יודען. פרעגט די גמרא אין אָנהייב ווען די רוימער האָבען גילעבט גוט מיט די יודען וואָס האָבען זייא גידרשעט. און דער נאָך ווען זייא זענען שלעכט גיוואָרען צו די יודען וואָס האָבען זייא גידרשעט. אין אָנהייב האָבען זייא גידרשעט דעם פּסוק. עשו האָט גיזאָגט צו יעקב מיר וועלען

ונלכה ואלכה לנגדך וגו' ולבסוף דרוש יעבר נא אדני לפני עבדו:

כן תני ר' יוסי בר' (דף ט) מלכות פרס בפני הבית ל"ד שנה מלכות יון בפני הבית מאה ושמונים שנה מלכות חשמונאי בפני הבית ק"ג שנה מלכות בית הורדוס ק"ג מכאן ואילך צא וחשוב כמה שנים אחר החורבן:

כן תנא דבי אליהו ששת אלפים שנה הוי העולם שני אלפים תהו ושני אלפים תורה ושני אלפים ימות המשיח ובעונותינו שרבו יצאו מהם מה שיצאו. ב' אלפים תורה מאימת אילימא ממתן תורה עד הכא ליכא כולי האי דכי מעיינת בהו שפיר (בשני דתהו) תרי אלפי ופרטא דהאי אלפא הוא דהוי אלא

מואת

מאי דרוש. אלכה לנגדך. יעקב ועשו שוין בגדולה: לפני עבדו. דרך השר ליל' לפניו: מלכות פרס בפני הבית. בזמן הבית בעודו בנוי נאמר ש(ל)א כורש נשתכה מלכותו ל"ד שנה ובטלה ותפשוה בני יון ומלכו שמונים ומאה שנה הרי רי"ד ובני חשמונאי נטלו מלכות מיונים ומלכו ק"ג והורדוס אחריהם ק"ג הרי ת"כ שהיה בית שני קיומו: מכאן ואילך. ממלכות הורדוס ואילך חרב הבית ובטלה מלכותן: ששת אלפים שנה. נגזר על העולם להתקיים כמנין ימי השבוע וביום השביעי שבת ובאלף השביעי נוח לעולם: ב' אלפים. ראשונים נגזר עליהם להיות תוהו בלא תורה: ושני אלפים תורה. בלא ימות המשיח: ושני אלפים ימות המשיח ובעונותינו שרבו יצאו. משני אלפים האחרונים מה שיצאו ומשיח לא בא: אי נימא ממתן תורה ועד עכשיו. עד גמר ד' אלפים לבריאת עולם כדאמרת ליכא שני אלפים: דכי מעיינת. בשני קמאי דתוהו דקודם מתן תורה תרי אלפי ופרטא מאלף השלישי תמ"ח שנים משכחת בהו. כ"ג דכי מעיינת בהו וכו' ולא גרסינן וע"ד ופירושם כדפרישית לא והשוב שנות כל דור ודור שהיו כל אחד ואח' קודם שנולד בנו דשנים של אחרי כן אתה נותן לבן וחמשה פאלדם עד שנולד נח תתרנ"ו שנים ונח חי תק"ב שנים קודם שנולד שם דכתיב ויהי נח בן חמש מאות וגו' כשנולד בנו הראשון היה כ.

ה"ק

ציהען אונ מיר וועלען גיין אונ איך וועל גיין געגען דיר ומיר וועלען ביידע גלייך זיין]. דארף זיין עשו מיט יעקב גלייך. דער נאך האבען זייא גידרשת דעם פסוק יעקב האט גיזאגט צו עשו ביין הער זאל גיין פאר אוים פאר זיין קנעכט. האט יעקב אליין גימאכט זיין ברודער עשו פאר אהערר אונ זיך האט ער גימאכט צו איהם פאר אקנעכט:

כן תני. רבי יוסי ברבי האט גיערונט דיא ערשטע פיר אונ דרייסיג יאהר ווי דר אנדערער בית המקדש איז גיבאהט גיווארען האט געקניגט דיא מלוכה פון פרס. דער נאך האבין די יונים צו גינומען דיא מלוכה פון פרס אונ זייא האבין געקיניגט הונדערט מיט אכטציג יאהר. דער נאך האבין דיא חשמונאים צו גינומען דיא מלוכה פון דיא יונים. אונ האבין געקיניגט הונדערט מיט דרייא יאהר. דער נאך האט הורדוס צו גינומען דיא מלוכה פון די חשמונאים אונ ער מיט זיין פאמיליע האבין געקיניגט הונדערט מיט דרייא יאהר. צו זאמען איז פיר הונדערט מיט צוואנציג יאהר. דער נאך איז דער בית המקדש פאר ברענט גיווארען. פון דער צייט זאלסטו רעכענען ביז היינט. וועסטו ויסען ווי פיל יאהר עס איז ווי דר בית המקדש איז חרוב גיווארען:

כז. תניא. אין דעם ספר תנא דבי אליהו האבין מיר גילערונט. זעקס טויזענד יאהר דארף שטיין דיא וועלט. דיא ערשטע צוויי טויזענד יאהר איז אוועק גיגאנגען וויסט אן תורה. דיא אנדערע צוויי טויזענד יאהר איז שוין גיוועזן דיא תורה. אבער עס איז ניט גיוועזן די צייט פון משיח. דיא דריטע צוויי טויזענד יאהר איז שוין דיא צייט משיח זאל קומען. נאר דורך אונזערע פיל עבירות איז שוין אוועק גיגאנגען פון דיא דריטע צוויי טויזענד יאהר פיל יאהר אונ משיח איז נאך ניט גיקומען. פרעגט דיא גמרא ווען האט זיך אן גיהויבין דיא צוויי טויזענד יאהר פון תורה, איך זאל זאגין פון דער צייט וואס די תורה איז גיגעבין גיווארען. איז דאך ניטא קיין צוויי טויזענד יאהר. ביז סוף פיר טויזענד יאהר וואס די וועלט איז בשאפען גיווארין. ווארום אז דוא וועסט ריכטיג רעכענען פון דער צייט וואס דיא וועלט איז בשאפען גיווארען ביז דיא תורה איז גיגעבין גיווארען. איז צווייא טויזענד מיט פיר הונדערט מיט אכט אונ פערציג יאהר. אונ פון דער צייט וואס דיא תורה איז גיגעבין גיווארען ביז סוף פיר טויזענד יאהר וואס די וועלט איז בשאפען גיווארען. איז טויזענד מיט פינף הונדערט צוויי אונ פופציג יאהר. ענטפערט דיא גמרא התורה האט זיך אן גיהויבען פון דער צייט וואס אברהם האט אן גיהויבען מגייר צו

(בראשית יב) מואת הנפש אשר עשו בחרן וגמירי דאברהם בההיא שעתא בר חמשין ותרתין שני הוה כמה בצרן מדתני תנא ארבע מאה וארבעים ותמני שנין הויא וכי מעיינת מואת הנפש אשר עשו בחרן עד מתן תורה ארבע מאה וארבעין ותמני שנין הוין:

(ע"ב) **כח אמר** ר' חנינא אחר ת' לחורבן רבית אם יאמר לך אדם קח שדה שוה אלף דינרין בדינר אחד אל תקח. במתניתא תנא אחר ד' אלפים ורל"א שנה לבריאת העולם אם יאמר לך אדם קח שדה שוה אלף דינרין בדינר אחד אל תקח מאי בינייהו איכא בינייהו תלת שנין דמתניתא טפיא תלת שנין:

ה"ק שנים ויפת הוא הגדול מאה שנה ושם נולד משם שנה הרי תק"ב שנים לנח כשנולד שם דכתיב שם בן מאת שנה ויולד את ארפכשד שנתים אחר המבול ואם שם לת"ק שנים דנח אוליד כי מטו שנתים אחר המבול הוה ליה בר ק"ב דהא כתיב ונח בן שש מאות שנה והמבול היה מים וגו' תצא תק"ב דנח ומאה דשם עד ארפכשד הוסיף על נ"ו שנה של פרט הרי תרנ"ח וארפכשד הוליד את שלח לל"ה הרי תרצ"ג ומשלח עד עבר שלשים הרי תשכ"ג ומעבר עד פלג ל"ד הרי תשנ"ז ומפלג עד רעו ל' הרי תשפ"ז ומרעו לשרוג ל"ב הרי תתי"ט ומשרוג לנחור שלשים הרי תתמ"ט ומנחור לתרח כ"ט הרי תתע"ח ומתרח לאברהם שבעים הרי תתקמ"ח על אלף השני ומאברהם עד יצחק מאה הרי אלפים ומ"ח ומיצחק עד מתן תורה ת' שנים כיצד ששים עד שנולד יעקב וירדו למצרים כתיב ימי שני מגורי שלשים ומאת שנה הרי ק"צ משנולד יצחק וישראל היו במצרים ר"י שנה כמנין רד"ו הרי תמ"ח שנים על אלפים לבריאת עולם נמצא ממתן תורה עד ד' אלפים לבריאתו של עולם אלף ותקנ"ב: אלא מואת הנפש וגו' וכדמתרגמינן דשעבידו לאורייתא: וגמירי דההיא שעתא היה אברהם בר נ"ב הוסיפם על אלף והתקמ"ח שהיו בידך כשנולד אברהם הרי אלפים הוו: כמה בצרן. לך ההוא מאלפים דתורה דתני הכא: תמ"ח שנה. הוי בצרן לך: וכי מעיינת מואת הנפש אשר עשו עד מתן תורה. הכי כוון הוסיף אותן על מנין מתן תורה והמלא אלפים מכוונים מואת הנפש עד גמר ד' אלפים לבריאת עולם והוא קע"ב שנים לאחר חרבן כיצד הרי מניח עד יציאת מצרים תמ"ח על עודף אלפים וכתיב ויהי בשמונים שנה וארבע מאות שנה לצאת בני ישראל וגו' ויבן שלמה את הבית לה' הרי תתקכ"ח על אלפים כשנבנה הבית וימי בית ראשון ת"י שנים הרי שלשה אלפים ושל"ח שנים וגלות בבל שבעים שנה הרי ת"ח וימי בית שני ת"כ הרי תתכ"ח נמצא קע"ב חסרו מד' אלפים והכי תניא בסדר עולם: אל תקח. שהוא קץ הגאולה והקנין לאחר הקדש לגאולה אבותיך ולמה תפסיד הדינר: דמתניתא טפי תלת שנין. לחשבון הברייתא מושך הגלות שלש

זיין גרים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די נפשות וואס אברהם מיט שרה האבין גימאכט אין חרן. דאס מיינט מען זייא האבין מגייר גיוועזן מענטשין אונ האבען מיט זייא גילערונט תורה. אונ מיר האבען גילערונט אז אין דער צייט איז אברהם אלט גיוועזן צוויי אונ פופציג יאהר. אונ פון דער צייט וואס דיא וועלט איז בשאפען גיווארען ביז אברהם איז גיבארין גיווארען. איז גיוועזן טויזענד נייןהונדערט אכט אונ פערציג יאהר. זאל מען צו לייגין דיא צווייא אונ פופציג יאהר פון אברהם וועט זיין ריכטיג צוויי טויזענד יאהר אן תורה. אונ בייא דער צייט האט זיך אן גיהויבין תורה וואס אברהם האט גילערונט מיט דיא גרים. אונ פון דער צייט אן וואס דיא תורה איז גיגעבין גיווארען ביז סוף פיר טויזענד יאהר ווי די וועלט איז בשאפען גיווארען וויא פיל יאהרין פעלט. פיר הונדערט מיט אכט אונ פערציג יאהר. אז דוא וועסט רעכענען פון דער צייט וואס אברהם האט אן גיהויבין מגייר זיין גרים. ביז דער צייט וואס דיא תורה איז גיגעבין גיווארען. איז פיר הונדערט אכט אונ פערציג יאהר: צו זאמען איז צווייא טויזענד יאהר:

כח אמר. רבי חנינא האט גיזאגט אז עס וועט אוועק גיין פיר הונדערט יאהר נאך דעם חורבן בית המקדש. אונ א מענטש וועט דיר זאגין קויף אין חוצה לארץ א פעלד וואס איז ווערט טויזענד גילדען פאר איין גילדען. זאלסטו ניט קויפען. ווארום דוא וועסט באלד אויס גילייזט ווערען אונ וועסט קומען אין ארץ ישראל צו וואס זאלסטו שאדען האבען דעם גילדען. אין א ברייתא האבין מיר גילערונט אז עס וועט אוועק גיין פון דער צייט וואס די וועלט איז בשאפען גיווארען פיר טויזענד צוויי הונדערט איין אונ דרייסיג יאהר. אויב א מענטש וועט צו דיר זאגין קויף א פעלד וואס איז ווערט טויזענד גילדען פאר איין גילדען. זאלסטו ניט קויפען. ווייל משיח וועט באלד קומען. פון רבי חנינא ביז די ברייתא איז אונטער שייד אין דריי יאהר: נאך רבי חנינא האט זיך אן גיהויבין די צייט פון משיח אין סוף פיר טויזענד צוויי הונדערט אכט אונ צוואנציג יאהר. אונ נאך די ברייתא האט זיך אן גיהויבין די צייט פון משיח אין סוף פיר טויזענד צוויי הונדערט איין אונ דרייסיג יאהר.

(דף י) כמ תני רב יוסף מ"ד (עובדיה) הנה קטן נתתיך בגוים שאין מעמידין מלך בן מלך, בזוי אתה מאד שאין להם לא כתב ולא לשון:
ל א"ל אנטונינוס לרבי בעינא דימלוך אסוירוס ברי תחותי ותתעבד טבריא קלניא ואי אמינא להו חדא עבדי תרתי לא עבדי אייתי גברא ארכביה אחבריה ויהב ליה יונה לעילאי בידיה וא"ל לתתאה דיימר לעילאי דניפרח יונה מידיה אמר ש"מ הכי קאמר לי את בעי מינייהו דאסוירוס ברי ימלוך תחותי ואימא ליה לאסוירוס דתתעביד טבריא קלניא א"ל קא מצערין לי חשובי רומאי אעייליה לגנתא כל יומא הוה עקר חד פוגלא ממישרא קמיה אמר ש"מ ה"ק לי קטול חד חד מינייהו ולא תתגרי בהו בכולהו (ע"ב) ולימא ליה מימר בהדיא אמר שמעי חשובי דרומי ומצערי ליה ולימא ליה בצנעה משום דכתיב (קהלת י) כי עוף השמים יוליך את הקול הויא ליה ברתא ושמה גירא וקא

שלא שמים יותר דאמרינן לעיל אחר קע"ב שנים לאחר חורבן כשלמו ארבעה אלפים הוסיף עליהם רל"א דקתני בברייתא הרי הקן לאחר ת"ג לחורבן וכ' תגינא ס' קאמר כפא"ל חנינא למילתיה עדיין לא עברו ארבע מאות לחורבן:
כתב ולשון של רומיים מאומה אחרת בא להם אחרים תקנו להם כל הספרים שלהם (לשון הוא גראמאטיק"א ט"א כלטין שמדברים בו הכומרים וע' בגמ'):
קלניא. בת חורין שלא ליתן מס לעולם משום דאית בה רבנן ואנטונינוס עצמו היה משמש לפני רבי כדלקמן ומש"ה היה אוהב לרבנן: אייתי רבי גברא ארכביה וכו'. כלומר הרכב את בנך עליהם ומליך ותהא טבריא מסורה בידו: ואימא ליה. לבנך דלפרחיה ליונה מן ידיה כלומר דליעבד טבריא קלניא לכוליה מתחת עולו: ומצערי ליה. לרבי עבדה

כמ תני: רב יוסף האט גיגערונט עס שטייט אין פסוק אויף דיא מדינה רוים איך האב דיך גיגעבין דער קלענסטער צווישען פעלקער. דאס מיינט מען ביי זייא ווערט ניט דער זוהן פון מלך אמלך. נאר אפרעמדער מענטש ווערט אמלך. דוא ביסט זייער פאר שעמט דאס מיינט מען זייא האבען ניט קיין אייגענע שפראך: אונ ניט קיין אייגענע געשריפט. נאר פון איין אנדער פאלק:
ל אמר: אנטונינוס האט גזאגט צו רבי איך וויל דער נאך וויא איך וועל שטארבען זאל מיין זוהן אסוירוס זיין אמלך אויף מיין ארט. אונ איך וויל אז דיא שטאט טבריא זאל זיין פריי פון פאדאטקעס אויף אייביג. אונ אז איך וועל פאר לאנגען דיא ביידע זאכען פון די פירשטען. איין זאך וועלען זייא מיר טאהן. ביידע זאכען וועלען זייא ניט טאהן. האט רבי גענומען אמענטשין אונ האט איהם ארויף גיזעצט רייטענדיג אויף זיין חבר. אונ דעם אובערשטין מענטש האט ער גיגעבן אטאהב אין האנט. אונ רבי הט גזאגט צום אונטערשטין מענטש ער זאל זאגען צום אובערשטין מענטש ער זאל אוועק לאזין דיא טאהב פון זיין האנט. זיא זאל פליהען וואו הין זיא וויל. האט אנטונינוס גזאגט אזוי מיינט רבי איך זאל בעטין ביי די פירשטען נאר איין זאך אז מיין זוהן אסוירוס זאל ווערין אמלך. אונ איך זאל זאגען צו אסוירוס אז ער זאל פריי מאכען די שטאט טבריה:
נאך האט אנטונינוס גיפרעגט ביי רבי דיא גרויסע לייט פון רוים זענען מיך מצער. הט רבי אביין געפירט דעם אנטונינוס אין זיין גארטען. אלע טאג האט רבי אויס געריסען פון גארטען איין רעטאך אנטונינוס זאל דאס זעהן. האט אנטונינוס גזאגט אזוי מיינט רבי: איך זאל הרגנען די גרויסע לייט איינציג ווייז ואיך זאל אויף זייא מאכען בלבולים אונ הרגנען אונ איך זאל מיך ניט רייצען מיט אלע מיט איין מאהל. פרעגט די גמרא פר וואס הט רבי גידארפט מאכען אזעלבע זאכען. אונ האט איהם ניט גזאגט וויא ער זאל טאהן. ענפערט דיא גמרא רבי האט מורא גיהאט די גרויסע לייט פון רוים וועלען דער וואוסט ווערין אז דיא עצות הט רבי גזאגט. וועלין זיי איהם מצער זיין. פרעגט די גמרא זאל רבי זאגען צו אנטונינוס אין דער שטיל קיינער זאל ניט הערין. ענפערט די גמראווייל עס שטייט אין פסוק דיא פייגול וואס פליהען אונטערין הימעל וועלין פירען דעם קול אלע מענטשין זאגן וויסען נאזוי לאנג ווי אמענטש רעט ניט וואס ער וייס. ווערט קיינער ניט וויסען. וויא נאר דיא ווערטער זענען ארוים גיגאנגען פון דעם מענטשינס מויל. ווערט מען שוין וויסען: אנטונינוס האט גיהאט אטאכטער זיא האט גיהייסען

וקא עבדה איסורא שדר ליה גרגירא שדר ליה כוסברתא שדר ליה כרתי שדר ליה הסא כל יומא הוה משדר ליה מטרתא דדהבא פריכא וחיטי אפומייהו א"ל אמטי ליה חיטי לרבי א"ל רבי לא צריכנא דאית לי טובא א"ל ליהוי למאן דבתרך דיהבו לבתראי דאתו בתרך ודאתי מינייהו ליפקי עלייהו. הויא ליה ההוא נקירתא דהוה אתי מביתיה לבי רבי וכל יומא הוו אתו תרי עבדי בהדיה חד קטיל אבבא דבי רבי והד קטיל אבבא דביתיה ואמר ליה בעידנא דאתינא לא נשכח איניש בהדך . יומא חד אשכחיה לרבי חנינא בר חמא דהוה יתיב אמר ליה לא אמינא לך בעידנא דאתינא לא נשכח גברא קמך אמר ליה לית דין בר איניש א"ל אימא ליה ליזיל וליקרי להההוא עבדא דגנאי אבבא דקאים וליתי אזל

עבדה איסורא. זנתה: שדר ליה. אנטונינוס לרבי עשב שקורין גרגירא אורוג"א בלע"ז והבין רבי מה לו ולעשב הזה ודאי סימנא הוא דשלח לי גרגירא נגררת ונעקר לב גירא עם המופלים יודע היה ללמוד אנטונינוס: שדר ליה רבי כוסברתא. גליאנד"ר בלע"ז כלומר שהוצע והרוג הבת. כוס ברתא שתי מלות: הדר שדר ליה. אנטונינוס כרתי פורו"ש בלע"ז כלומר אם כן יכרת זרעי: הדר שדר ליה הסא. ליטוגא בלע"ז כלומר חוס עליה: מטרתא. דיסקיאות של עור כמין שקים גדולים: והיתי אפומייהו. שאם יפתחו השקים רואים החטים ולא יבינו: ודאתי מינייהו ליפקי עלייהו. היוצאים מבנך יוציאו הוצאות למלכי רומי העומדים אחרי על סמך ממון שלו: מיכרתא. מערתא לשון נקרת הצור: לביתיה דרבי. ללמוד תורה:

גירא אונ זיא האט מזנה גיוועזן. האט אנטונינוס געשיקט צו רבי אזוי אגראז וואס הייסט גרגירא האט רבי גיקלערט צו וואס האט אנטונינוס מיר געשיקט דעם גראז גרגירא. נאר גרגירא איז צוויי ווערטער גר גירא. דיא טאכטער גירא איז נאך גישלעפט גיווארען נאך אירע תאוות אונ האט מזנה גיוועזן. האט רבי געשיקט צו אנטונינוס אזוי אגראז וואס הייסט כוסברתא. האט אנטונינוס געוואוסט וואס רבי מיינט. כוסברתא איז אויך צוויי ווערטער. כוס ברתא. שעכט די טאכטער. דוא זאלסט איר הרגנן. האט אנטונינוס געשיקט צו רבי אזוי אגראז וואס הייסט כרתי. האט רבי געוואוסט וואס אנטונינוס מיינט. עס איז איהם אשאד ער זאל פאר שניידען זיין קינד. האט רבי געשיקט צו אנטונינוס אזוי אגראז וואס הייסט חסא: אנטונינוס זאל רחמנות האבען אויף זיין טאכטער אונ זאל זיא ניט הרגנן: אלע טאג האט אנטונינוס געשיקט צוא רבי זעק מיט שטיקער גאלד אונ פון הויבען איז גילעגין ווייץ דיא וואס וועלין טראגען דיא זעק זאלען מיינען אז זייא טראגען ווייץ) אונ ער האט גזאגט צו דיא מענטשין טראגט אוועק די ווייץ צוא רבי, האט רבי גזאגט צו אנטונינוס איך דארף ניט דיין גאלד. איך האב גענוג. האט אנטונינוס גזאגט זאל דיא גאלד ביי דיר זיין וועט דאס זיין פאר דיינע קינדער וואס וועלין בלייבען נאך דיר. אונ זייא וועלין געבין דיא גאלד צו די מלכים וואס וועלען זיין נאך מיר, דיינע קינדער וואס וועלין בלייבען נאך דיר. אונ דיא קינדער וואס וועלין גיבארען ווערין פון דיא קינדער וועלען האבען דיא גאלד צו געבין דיא שפעטערדיגע מלכים וואס וועלין זיין נאך מיר זייא זאלען אויף אייך ניט גוזר זיין שלעכטע גזרות. אונטער די שטוב פון אנטונינוס איז גיוועזן אקעלער ביז צו דיא שטוב פון רבי. אלע טאג פלעגט אנטונינוס גיין דורך דעם קעלער פון זיין שטוב ביז צו רבי. אונ אנטונינוס האט גענומען מיט זיך צוויי קנעכט. ווייל ער האט ניט גיוואלט אליין גיין דורך דעם קעלער: איין קנעכט פלעגט ער הרגנן נעבין דיא טיר פון רבי. אונ מיט איין קנעכט איז אנטונינוס גיגאנגען צוריק ביז צו זיין שטוב. אונ אז ער איז גע קומען נעבין די טיר פון זיין שטוב האט ער גיהרגת דעם אנדערין קנעכט: ווארום אנטונינוס האט מורא גיהאט טאמער וועלין דיא קנעכט אויס זאגן אז ער גייט צו רבי. אנטונינוס האט גזאגט צו רבי ווען איך וועל קומען צו דיר זאל איך קיין מענטשין ניט טרעפין ביי דיר. אמאהל איז אנטונינוס גיקומען צו רבי האט ער גיטראפען רבי חנינא בר חמא איז דארטען גיזעסען: האט אנטונינוס גזאגט צו רבי איך האב דאך דיר גזאגט אז ווען איך וועל צו דיר קומען זאל איך קיין מענטשין ניט טרעפין ביי דיר. הט רבי גזאגט צו אנטונינוס דער איז ניט קיין מענטש. האט אנטונינוס גזאגט צו רבי זאג צו דעם מענטש ער זאל גיין רופען דעם קנעכט וואס שלאפט

שמש ליה. משמש לפניו בסעודה: שמה אדום. בגיהנם משתעי קרא:

מי שיש לו נימא ברגלו. בשר מת המנער:

אזל ר'ח בר חמא אשכחיה דקטיל אמר היכי ליעבד איזיל ואימא ליה דקטיל אין משיבין על הקלקלה אשבקיה ואיזיל השתא מזלזלנא במלכותא בעי רחמי עלי' ואחייה ושדריה אמר ידענא דאפילו זוטרי דאית בכו מחיי מיתי נינהו ומיהו בעידנא דאתינא לא נשכח אינש בהדך. כל יומא הוה משמש ליה לרבי ומאכיל ליה ומשקי ליה וכי הוה בעי רבי למיסק לפורייה הוה גחין קמיה א"ל סק עלואי לפורייך א"ל לאו אורח ארעא לזלזולי במלכותא כולי האי אמר מי ישימני מצע תחתיך לעה"ב א"ל אית לי לעלמא דאתי א"ל אין א"ל והכתיב (עובדיה) ולא יהיה שריד לבית עשו. בעושה מעשה עשו. והכתיב (יחזקאל לב) שמה אדום מלכיה וכל נשיאיה. א"ל מלכיה ולא כל מלכיה כל נשיאיה ולא כל שריה. תנ"ה מלכיה ולא כל מלכיה כל נשיאיה ולא כל שריה, מלכיה ולא כל מלכיה פרט לאנטונינוס בן אסוירוס וחביריו כל נשיאיה ולא כל שריה פרט לקטיעא בר שלום:

כא קטיעא בר שלום מאי היא דההוא קיסר דהוה סני ליהודאי אמר להו לחשיבי מלכותיה מי שעלתה לו נימא ברגלו יקטענה ויחיה או יניחנה ויצטער

בַּיי דִיא טִיר עֶר זָאל אוֹיף שְׁטֵיין אוּנ זָאל אַרַיין קוּמֶען. אִיז רַבִּי חֲנִינָא בַּר חָמָא גִיגַאנְגֶען רוּפֶען דֶעם קְנֶעכְט הָאט עֶר גִיטְרָאפֶען אַז דֶער קְנֶעכְט אִיז טוֹיט. הָאט רַבִּי חֲנִינָא גִזָאגְט וִוי זָאל אִיךְ טָאהן. אִיךְ זָאל גֵיין זָאגֶען אַז דֶער קְנֶעכְט אִיז טוֹיט. אוֹיף אַשְׁלֶעכְטֶע זַאךְ עֶנְפֶערְט מֶען נִיט. אִיךְ זָאל גָאר אַוֶועק גֵיין אוּנ נִיט עֶנְפֶערִין. וֶועל אִיךְ דָאךְ פַאר שֶׁעמֶען דֶעם מֶלֶךְ. הָאט רַבִּי חֲנִינָא גִיבֶּעטֶען בַּיי גָאט אִיז דֶער קְנֶעכְט לֶעבֶּעדִיג גִיוָוארֶן. הָאט רַבִּי חֲנִינָא גִזָאגְט צוּם קְנֶעכְט גֵיי אַרַיין דֶער מֶלֶךְ רוּפְט דִיךְ. הָט אַנְטוֹנִינוֹס גִזָאגְט צוּ רֶבִּי אִיךְ ווייס אַז אַפִּילוּ דֶער קְלֶענְסְטֶער פוּן אַייךְ קֶען אוֹיךְ לֶעבֶּעדִיג מַאכֶען מֵתִים. פוּן דֶעסְטְוֶועגִין וֶוען אִיךְ וֶועל צוּ דִיר קוּמֶען וִויל אִיךְ קֵיין מֶענְטְשׁ זָאל נִיט זַיין בַּיי דִיר. אַלֶע טָאג פְלֶעגְט אַנְטוֹנִינוֹס בַּדִינֶען צוּ רַבִּי עֶר פְלֶעגְט אִיהם בְּרֵיינְגֶען עֶסִין אוּנ טְרִינְקֶען. אַז רַבִּי הָאט גִיוָואלְט אַרוֹיף גֵיין אוֹיף זַיין בֶּעט הָאט זִיךְ אַנְטוֹנִינוֹס אַיין גִיבּוֹגֶען אוּנ הָאט גֶזָאגְט צוּ רַבִּי גֵיי אַרוֹיף דוּרְךְ מִיר אוֹיף דַיין בֶּעט. שְׁטֶעל דִיךְ אוֹיף מִיר אוּנ פוּן מִיר וֶועסְטוּ אַרוֹיף גֵיין אוֹיף דַיין בֶּעט. הָאט רַבִּי גִזָאגְט מֶען טָאר נִיט אַזוֹי פִיל פַאר שֶׁעמֶען דַיין מְלוּכָה. הָאט אַנְטוֹנִינוֹס גִזָאגְט צוּ רַבִּי הַלְוַאי זָאל אִיךְ זַיין אוֹיס גִישְׁפְּרֵייט אוּנְטֶער דִיר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. אַנְטוֹנִינוֹס הָאט גִיפְרֶעגְט בַּייא רַבִּי אִיךְ וֶועל הָאבֶּען עוֹלָם הַבָּא: הָאט רַבִּי גִזָאגְט יָא. הָאט אַנְטוֹנִינוֹס גִזָאגְט עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין פָּסוּק עֶס וֶועט נִיט זַיין קֵיין אִיבֶּער בְּלַייבּוּנְג צוּ דִי קִינְדֶער פוּן עֵשָׂו. הָט רַבִּי גִזָאגְט דָאס אִיז נָאר בַּיי דִי קִינְדֶער וָואס טוּהֶען אַזוֹי וִויא עֵשָׂו: הָאט אַנְטוֹנִינוֹס גִיפְרֶעגְט עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין פָּסוּק דָארְט וְאִין גֵיהִנֹם וֶועלְין זַיין אֱדוֹם אוּנ אִירֶע קֶענִיגֶען אוּנ אִירֶע אַלֶע נְשִׂיאִים. הָאט רַבִּי גִזָאגְט דִי מְלָכִים פוּן אֱדוֹם וֶועלֶען זַיין אִין גֵיהִנָם. אָבֶּער נִיט אַלֶע מְלָכִים. אַזוֹי אַמֶּעךְ וִויא דוּ בִּיסְט וֶועסְט נִיט זַיין אִין גֵיהִנָם. אַלֶע נְשִׂיאִים פוּן אֱדוֹם וֶועלֶען זַיין אִין גֵיהִנָם אָבֶּער נִיט אַלֶע שָׂרִים. זָאגְט דִיא גְמָרָא מִיר הָאבֶּען אוֹיךְ אַזוֹי גִילֶערוּנְט דִי מְלָכִים פוּן אֱדוֹם וֶועלִין זַיין אִין גֵיהִנָם: אָבֶּער נִיט אַלֶע מְלָכִים אַלֶע נְשִׂיאִים פוּן אֱדוֹם וֶועלֶען זַיין אִין גֵיהִנָם. אָבֶּער נִיט אַלֶע שָׂרִים. דִיא מְלָכִים פוּן אֱדוֹם וֶועלֶען זַיין אִין גֵיהִנָם. אָבֶּער נִיט אַלֶע מְלָכִים. דָאס מֵיינְט מֶען אַנְטוֹנִינוֹס דֶער זוּהן פוּן אַסְוִירוֹס אוּנ זַיינֶע חֲבֵרִים וֶועלֶען נִיט זַיין אִין גֵיהִנָם. אַלֶע נְשִׂיאִים פוּן אֱדוֹם וֶועלֶען זַיין אִין גֵיהִנָם אָבֶּער דִיא שָׂרִים נִיט. דָאס מֵיינְט מֶען קְטִיעָא בַּר שָׁלוֹם וֶועט נִיט זַיין אִין גֵיהִנָם:

כא קְטִיעָא בַּר שָׁלוֹם וָואס אִיז גִיוֶוען זַיין פְרוּמְקֵייט: עֶס אִיז אַמָאהל גִיוֶוען אַקֵיסַר אִין רוֹים וָואס עֶר הָאט פַיינְט גֶעהַאט דִיא יוּדֶען. הָאט דֶער קֵיסַר גִזָאגְט צוּ זַיינֶע גְרוֹיסֶע לַייט דֶער

ויצטער אמרו ליה יקטענה ויחיה אמר להו קטיעא בר שלום חדא דלא יכלית להו דכתיב (זכריה ב) כי כארבע רוחות השמים פרשתי אתכם מאי קאמר אילימא דבדרתינהו בד' רוחות השמים לימא בארבע אלא כשם שאי אפשר לעולם בלא רוחות כך אי אפשר לעולם בלא ישראל ועוד קראו לך מלכותא קטיעא אמר ליה מימר שפיר קאמרת מיהו כל דזכי למלכא שדו ליה לקמוניא הלולא כד נקטי ליה אזיל אמרה ליה ההיא מטרוניתא וי לה לאילפא דאזלא בלא מכסא (שקיל סכינא קטעא לערלתה נחין) נפלו על רישא דערלתה וקטעה (בשיניה) אמר יהבית מכסאי וחלפית ועברית כי קא שדו ליה אמר כל נכסאי לרבי עקיבא וחבריו נפק ר"ע ודרש (ויקרא כד) והיתה לאהרן ולבניו מחצה לאהרן ומחצה לבניו יצאה ב"ק ואמרה קטיעא בר שלום מזומן לחיי העולם הבא בכה רבי ואמר יש קונה עולמו בשעה אחת ויש קונה עולמו בכמה שנים, אנטונינוס שמשיה לרבי.

ויתיב. ויכריא: כל דזכי למלכי. מלך את המלך בדברים נוצח הוא למלך ומשפט באים להשליכו: לקמוניא הלולא. בית מלא עפר: מטרוניתא. רומית: אילפא. ספינה: בלא מכסא. כלו' אוי לך הואיל ועליהם אתה נוגע בלא מלת את עצמך והטול חלק עמהם: והיתה לאהרן ולבניו. בלחם הפנים כתיב וכהן גדול מטל מחצה כדאמרינן בסדר יומא ונוטל הלה מפתי חלות בל עצרת וארבע או חמשה ממעשה לחם הפנים והשם מפרש לשם דפלגא הוא והכא נמי כשוה הואי כנגד כלן שהזכיר שמי לבד: הדרכן. של

אדרכן

וואס האט ווילד פלייש אויף זיין פוס. זאל ער דאס אפ שניידען ער זאל געזונד ווערין אדער ער זאל דאס לאזען וואקסען אונ זאל האבען צער. האבען דיא גרויסע לייט גזאגט מען זאל אפ שניידען דיא ווילד פלייש אונ מען זאל געזונד הערין ודאס האט ער גיפרעגט געגין די יודען. ער זאל זייא לאזען לעבין אפילו ער האט צער אז זייא לעבין. אדער ער זאל זייא הרגנן וועט ער שוין קיין צער ניט האבען. האט קטיעא בר שלום צו זייא גזאגט איין מאהל דוא וועסט ניט קענען הרגנן אלע יודען. ווארום עס שטייט אין פסוק כי כארבע רוחות השמים פרשתי אתכם. אזוי וויא דיא פיר זייטען פון הימעל האב איך אייך פאר שפרייט. וואס מיינט דער פסוק. איך זאל זאגען דער פסוק מיינט גאט האט פאר שפרייט דיא יודען אין די פיר זייטען פון הימעל. דארף דאך ניט שטיין כארבע רוחות. אזוי וויא פיר זייטען. נאר עס דארף שטיין בארבע רוחות. אין דיא פיר זייטען פון הימל האב איך אייך פרשפרייט. נאר אזוי וויא די וועלט קען ניט זיין אן זייטען. אזוי קען דיא וועלט ניט זיין אן יודען. נאך אזאך וועל איך אייך זאגען מען וועט רופען דעם מלך מלכותא קטיעא. ער איז אמלך וואס הרגת מענטשין. האט דער מלך גזאגט צו שלום בר קטיעא. דו זאגסט גאנץ ריכטיג. נאר דער וואס מאכט אומגירעכט דעם מלך. מוז מען דעם מענטש אריין ווארפען אין אשטוב וואס איז פול מיט ערד. ווי מען האט געפירט דעם שלום בר קטיעא מען זאל איהם אריין ווארפען אין דיא שטוב. האט אגרעפין פון רוים גזאגט צו איהם וויי צו דיא שיף וואס זיא האט ניט אפ גיצאהלט פאר אירע סחורה מען וועט איר נישט אריין לאזן אין דער מדינה וזיא האט געמיינט קטיעא בר שלום גיים גיהרגת צו ווערין פאר יודינס וועגין. אונ ער וועט ניט קענען געמען מיט זיי אחלק צו עולם הבא. וויל ער איז ניט גימלת. האט קטיעא איין גיבויגען דעם קאפ צו די ערלה אונ האט זיא אפ געביסען מיט דיא ציין. האט קטיעא גזאגט איך האב שוין גיגעבין מיין אפ צאהל איך וועל שוין קענען דורך גיין אונ קומען צו עולם הבא. ווען מען האט דעם קטיעא אריין גיווארפען אין די שטוב. האט ער גזאגט מיין פאר מעגין זאל גיהערין צו רבי עקיבא מיט זיינע חברים. האט רבי עקיבא גידרשת עס שטייט אין פסוק דער לחם הפנים זאל זיין צו אהרן אונ צו זיינע קינדער. העלפט גיט מען צו אהרן. אונ דיא אנדערע העלפט גיט מען צוא דיא קינדער. אזוי אז קטיעא האט גזאגט זיין פאר מעגין זאל גיהערין צו מיר מיט מיינע חברים. האט ער גימיינט העלפט זאל גיהערין צו מיר אליין. אונ מיט דיא אנדערע העלפט זאלן זיך טיילען מיינע חברים. אונ אקול פון הימעל האט גזאגט קטיעא בר שלום איז אן גיבריים צו עולם הבא. האט רבי געוויינט אונ האט גזאגט אמאהל איז דא אמענטש וואס קויפט עולם הבא אין איין שעה אזוי וויא קטיעא

אדרכן שמשיה לרב . כי שכיב אנטונינוס אמר רבי נתפרדה חבילה כי שכיב אדרכן אמר רב נתפרדה הבילה :

בר שלומס כו׳ : נתפרדה חבילה . אגודה שנתקשרה נפש בנפש : גונדא . גדוד : ניפורא . נקיט מלא לאפיפיורא . טפל ומוליך האבוקה לפני האפיפיור כולן מיני שררה זה למעלה מזה : קומא . מלך : שני גיים . כתיב וקרינן גוים : אנטונינוס ורבי . זה

אונקלוס בר קלוניקוס איגייר שדר קיסר גונדא דרומאי אבתריה משכינהו בקראי ואיגיירו הדר שדר גונדא אחרינא אבתריה אמר להו לא תימרו ליה מידי כד נקטיה ליה ואזל אמר להו אימא לכו מלתא בעלמא ניפורא נקיט נורא קמי פיפיורא פיפיורא נקיט נורא לדוכסא דוכסא להגמונא הגמונא לקומא קומא מי נקיט נורא קמי אינשי אמרו ליה לא אמר להו הקב״ה נקט נורא קמי ישראל דכתיב (שמות יג) וה׳ הולך לפניהם יומם וגו׳ איגיור כולהו הדר שדר גונדא אחרינא בתריה אמר להו לא תשתעו כלל בהדיה כי נקטי לי׳ ואזלי חזא מזוזתא דמנחא אפתחא אותיב ידיה עלה אחיך אמרו ליה אמאי קא מחייכת אמר להו מנהגו של עולם מלך יושב מבפנים ועבדיו משמרין אותו מבחוץ אבל הקב״ה עבדיו מבפנים והוא משמרן מבחוץ שנאמר (תהלים קכא) ה׳ ישמר צאתך ובואך וגו׳ איגיור ותו לא שדר אבתריה . (בראשית כה) ויאמר ה׳ לה שני גוים בבטנך א״ר יהודה אמר רב אל תקרי שני גוים אלא שני גיים זה אנטונינוס ורבי שלא פסקו

בַּר שָׁלוֹם) . און אַיין אַנדֶער מֶענטְשׁ אָרֶעוֶועט ווִי פִיל יָאהר בִּיז עֶר הָט עוֹלָם הַבָּא . אַנְטוֹנִינוּס הָאט בֶּעדִינְט צוּ רַבִּי . אַדַרְכָּן הָאט בֶּעדִינְט צוּ רַב . ווֶען אַנְטוֹנִינוּס אִיז גִישְׁטָארְבֶּען הָט רַבִּי גֶזָאגְט אוּנְזֶער פַאר בִּינְדוּנְג אִיז אוֹיף גִיבוּנְדֶען גִיוָוארֶען : און ווֶען אַדַרְכָּן אִיז גִישְׁטָארְבֶּען הָט רַב גֶזָאגְט אוּנְזֶער פַאר בִּינְדוּנְג אִיז אוֹיף גִיבוּנְדֶען גִיוָוארֶען וַאדַרְכָּן אִיז אוֹיךְ גִיוֶועז אַגְרוֹיסֶער פִירְשְׁט פוּן גוֹיִם ווָאס עֶר הָאט לִיבּ גֶעהַאט דֶעם רַב אַזוֹי ווִיא אַנְטוֹנִינוּס הָאט לִיבּ גִיהַאט דֶעם רֶבִּין :

אונקלוס דֶער זוּהן פוּן קְלוֹנִיקוּס הָאט זִיךְ מְגַיֵּיר גִיוֶועז . הָאט דֶער קֵיסָר פוּן רוֹים גֶעשִׁיקְט צוּ אִיהם אַקָאמְפַּאנִיֶע מֶענְטְשִׁין רוֹימֶער זֵייא זָאלִין דֶעם אוּנְקְלוּס בְּרֵיינְגֶען צוּ אִיהם . הָאט אוּנְקְלוּס זֵייא גִיבְּרֵיינְגְט רַאיוֹת פוּן פִיל פְּסוּקִים אוֹיף דִיא יוּדִישֶׁע אֶמוּנָה בִּיז זֵייא הָאבֶּען זִיךְ מְגַיֵּיר גִיוֶועז : הָאט דֶער קֵיסָר גֶעשִׁיקְט נָאךְ אַקָאמְפַּאנִיֶע רוֹימֶער צוּ אוּנְקְלוּס זֵייא זָאלֶען אִיהם בְּרֵיינְגֶען . און דֶער קֵיסָר הָאט פַארבָּאטֶען דִיא מֶענְטְשִׁין זֵייא זָאלֶען מִיט דֶעם אוּנְקְלוּס גָאר נִיט רֵיידֶען פוּן אֶמוּנָה . ווִיא זֵייא הָאבֶּען גֶעפִירְט דֶעם אוּנְקְלוּס צוּם קֵיסָר . הָאט אוּנְקְלוּס גִיזָאגְט צוּ דִיא רוֹימֶער . אִיךְ ווֶעל אַייךְ זָאגִין אַוֶועלְטְלִיכֶע זַאךְ . אַז דֶער פִּיפִיוּרָא גֵייט בַּייא נַאכְט . גֵייט פַאר אִיהם דֶער נִיפוּרָא מִיט פַייֶער און לַייכְט אִיהם דִיא ווֶעג . אַז דֶער דוּכְּסָא גֵייט בַּיי נַאכְט . גֵייט פַאר אִיהם דֶער פִּיפִיוּרָא און לַייכְט אִיהם דִיא ווֶעג . דֶער דוּכְּס לַייכְט פַאר דֶעם הֶגְמוֹנָא . דֶער הֶגְמוֹנָא לַייכְט פַאר דֶעם קוּמָא . אָבֶּער דֶער קוּמָא גֵייט מִיט פַייֶער צוּ בֶּעלַייכְטֶען פַאר אַנדֶערֶע מֶענְטְשִׁין . הָאבֶּען זֵייא גִיזָאגְט נֵיין . הָאט אוּנְקְלוּס צוּ זֵייא גִיזָאגְט אָבֶּער גָאט הָאט גִיהַאלְטֶען פַייֶער און הָאט גִילוֹיכְטֶען פַאר דִיא יוּדֶען . אַזוֹי ווִיא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט גֵייט פַאר דִיא יוּדֶען בַּיי נַאכְט מִיט אַפַייֶערְדִיגֶען זַייל צוּ בֶּעלַייכְטִין . הָאבִּין זִיךְ דִיא קָאמְפַּאנִיֶע אוֹיךְ מְגַיֵּיר גִיוֶועז . הָאט דֶער קֵיסָר גֶעשִׁיקְט נָאךְ אַדְרִיטֶע קָאמְפַּאנִיֶע צוּ אוּנְקְלוּס זֵייא זָאלֶען אִיהם בְּרֵיינְגֶען . הָאט דֶער קֵיסָר זֵייא פַארבָּאטֶען זֵייא זָאלֶען מִיט דֶעם אוּנְקְלוּס גָאר נִיט רֵיידֶען . ווֶען זֵייא הָאבֶּען גֶעפִירְט דֶעם אוּנְקְלוּס . הָאט אוּנְקְלוּס גִיזֶעהֶן אַמְזוּזָה אִיז צוּ גִישְׁלָאגִין צוּ אַטִיר . הָאט אוּנְקְלוּס אַרוֹיף גִילֵייגְט דִיא הַאנְט אוֹיף דֶער מְזוּזָה און הָאט גִילַאכְט : הָאבֶּען זֵיי גִיזָאגְט צוּ אִיהם פַאר ווָאס לַאכְסְטוּ . הָאט אוּנְקְלוּס צוּ זֵייא גִיזָאגְט דֶער שְׁטֵייגֶער פוּן דֶער ווֶעלְט אִיז דֶער מֶלֶךְ זִיצְט אִינְווֵיינִיג אִין זַיין שְׁטוּבּ . און דִיא קְנֶעכְט שְׁטֵייעֶן אוֹיסְווֵיינִיג און הִיטֶען אִיהם . אָבֶּער גָאט טוּהט נִיט אַזוֹי . זַיינֶע קְנֶעכְט זֶענֶען אִינְווֵיינִיג אִין שְׁטוּבּ און עֶר שְׁטֵייט פוּן אוֹיס ווֵיינִיג און הִיט זֵייא . אַזוֹי ווִיא עֶס שְׁטֵייט אִין פְּסוּק גָאט ווֶעט הִיטֶען דַיין אַרוֹיס גֵיין און דַיין

פסקו משלחנם לא צנון ולא הזרת ולא קישות לא בימות החמה ולא בימות הגשמים דאמר מר צנון מחתך המאכל חזרת מהפך המאכל קישות מרחיב בני מעים והא תנא דבי ר"י למה נקרא שמם קשואים שהם קשים לגוף כחרבות לא קשיא הא ברברבא הא בזוטרא:

(שם ע"ב) **לג אמר** רב יהודה אמר שמואל עוד אחרת יש להם ברומי אחת לשבעים שנה מביאין אדם שלם ומרכיבין אותו על אדם חגר ומלבישין אותו בלבושו של אדם הראשון ומניחין לו קרקפלו של רבי ישמעאל בראשו ותלו ליה בצואריה מתקליה ארבעת זוזי פיזא ומחפין את השוקים באינך ומכריזין וקורין לפניו סך קירי פלסתר אהוהי דמרנא זייפנא

לא מעשו ולא מיעקב: הזרת. ליטוג"א בלעז: צנון. רפנ"א בלעז: חיתוך וסיפוך. מועילין למאכל:

עוד אחרת. עוד איד אחרת יש להם לרומיים שאינה שנויה במשנתנו: אדם שלם. כנגד עשו אדם החגר כנגד יעקב שצולע על ירכו כלומר עדיין עשו שליט על יעקב: של אדם הראשון. והן בגדי חמודות שהיו לעשו: קרקפלו של רבי ישמעאל. בן אלישע כהן גדול ומהרוגי מלכות היה ומתוך יפיו נכנס בלב בת קיסר להפשיט עור פניו והניחו אותו באפרסמון שתהא מקויימת ולא יתבטל ועדיין היא מונחת בגנזי רומי: פיזא. פז והוא אבן יקרה עד מאד ואינה מצויה בעולם: סך קירי פלסתר. חשבון הקלין כזב הוא נבואת יעקב שקרא לבניו באחרית הימים שסופן ליגאל כזב הוא: סך. חשבון: קירי. קלין: אהוה דמרנא זייפנא. אחיו של אדוננו עשו זייפן הוא יעקב שרמה

אריין קומען. האבען זיך די דריטע קאמפאניע אויך מגייר געוועזן. האט שוין דער קיסר ניט מער געשיקט צו דעם אונקלוס.

עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט צו רבקה שני גוים בבטנך. האט רב יהודה געזאגט פון רבס וועגין זאלסט ניט לייענען גוים. נאר זאלסט לייענען גיים. צוויי גרויסע לייט זענען אין דיין בויך. דאס איז אנטונינוס אונ רבי. וואס סיי זומער אונ סיי ווינטער איז אייביג געוועזן אויף זייער טיש ביי זייער עסען צנון אונ חזרת אונ קישות. ווארום דער רבי האט געזאגט אז די דרייא זאכען זענען גוט מען זאל עסין צו יעדער עסין. צנון דאס איז רעטאך. צו שניידט דאס עסין אין בויך. חזרת דאס איז חריין קערט אום דאס עסין אין בויך. קישות דער ברייטערט די קישקעס אין בויך דאס עסין זאל האבין איין ארט עס זאל נישט איינג ווערין אין בויך. פרעגט די גמרא דבי רבי ישמעאל האבין דאך געלערנט פאר וואס רופט מען דאס קישואים אונ קישות. ווייל קשה איז דער טייטש שלעכט. אונ די קשואים אונ קישות זענען שלעכט צום גוף ווי שווערדין. ענפערט די גמרא יונגע קישות איז גוט צום עסין אונ אלטע קישות איז שלעכט צום עסין:

לג אמר. רב יהודה האט געזאגט פון שמואלס וועגין נאך איין טוב איז דא אין רוים איין מאהל אין זיבעציג יאהר ברייגגט מען אגאנצען מענטש אונ מען זעצט איהם רייטענדיג אויף (א לאמען) ודער גאנצער מענטש איז געגין עשו אונ דער הינקענדיגער איז געגין יעקב צו ווייזען אז עשו געוועלטיגט אויף יעקבו. אונ מען קליידעט אן דעם גאנצין מענטש די קליידער פון אדם הראשון (אונ ווען מען האט געוואלט הרגנן רבי ישמעאל כהן גדול. האט די טאכטער פון קיסר געבעטען, אז פאר זיין טויט זאל מען אראפ ציהען די הויט פון זיין פנים. ווייל ער איז געוועזן זייער שיין. אונ די הויט האבען דאקטורים דער האלטען עס זאל בלייבען פריש אונ שיין אזוי ווי זיא איז געוועזן אויף דעם פנים פון רבי ישמעאל) די הויט ציהט מען דעם טאג ארויף אויף דעם פנים פון דעם גאנצען מענטש ער זאל אויס זעהן אזוי שיין ווי רב ישמעאל האט אויס געזעהן. אונ אויף זיין האלדז הייגגט מען אויף אברילאנט וואס הייסט פיזא ער וועגט פיר גילדין. אונ די פיס זיינע בדעקט מען מיט אזעלכע ברילאנטין וואס הייסט אינך, אונ מען פירט די צוויי מענטשין אין די גאסין אונ מען רופט אויס סך קירי פלסתר: דער חשבון וואס יעקב האט געזאגט צו זיינע קינדער אז זייא וועלין געלייזט ווערין פון אונז. דאס איז פאלש. דער ברודער פון אונזער הער עשו איז אפאלשער. ווייל ער הט גינארט זיין ברודער עשו אונ האט ביי איהם צו גינומען די ברכות. פון דעסט וועגין זענען די ברכות ביי אונז געבליבען. דער וואס זעהט איצט די שמחה זעהט ער. אונ דער וואס זעהט

זייפנא דחמא חמא ודלא חמא לא חמא מאי אהני ליה לרמאה ברמאותיה ולזייפנא בזייפנותיה ומסיימי בה הכי וי לדין כד יקום דין . אמר רב אשי הכשילן פיהם אי אמרו זייפנא אחוה דמרנא כדקאמרי השתא דאמרי דמרנא זייפנא מרנא גופיה זייפנא :

(דף טז ע"ב) **לד** **ת"ר** כשנתפס ר"א למינות העלוהו לגרדום לידון א"ל אותו הגמון זקן שכמותך יתעסק בדברים בטלים הללו א"ל נאמן עלי הדיין כסבור אותו ההגמון עליו הוא אומר והוא לא אמר אלא כנגד אביו שבשמים א"ל האמנתני דימוס

לעשו ויעקב: להיות גביר לאחיו : דחמא חמא . כרואה בשמחה זו עכשיו רואה ומי שאינו רואה עכשיו לא יראה עוד דעד שבעים שנה אינה נעשית : מאי אהני לרמאה ברמאותיה . ליעקב שרמה את עשו ולקח ברכתו : וי לדין . עשו : כד יקום דין . כשיקום יעקב : למינות . מינים תפשוהו לכופו לע"ז : עליו הוא אומר . כלומר הדין עמך דדברים בטלים הם : הוא לא אמר כן . אלא נאמן עלי הדיין האמתי שבאמת דנני ליתן לי צרה זו שפשעתי לקוני: האמנתני . במה שדנתי עליך : דימוס פטור אתה . דימוס היתה שם ירתאו ונשבע בה : (לנחמו , שהיה מתאבל מאד על שלא היה יודע מפני מה אירע לו דבר זה והיה מחפש במעשיו לעשו' תשובה): והנאך

פטור אתה וכשבא אל ביתו נכנסו תלמידיו לנחמו ולא קבל מהן תנחומין א"ל ר"ע רבי הרשני לומר לפניך דבר אחד ממה שלמדתני א"ל אמור א"ל רבי שמא דבר מינות בא לידך (דף יז) והנאך הדבר ועליו נתפשת למינות א"ל עקיבא הזכרתני פעם אחת הייתי מהלך

ניט איצט דיא שִׂמְחָה . ווערט ער שוין דיא שִׂמְחָה ניט זעהן . ווייל עס ווערט דויערן זיבּעציג יאהר ביז די שִׂמְחָה ווערט זיין נאך אמאהל . וואס האט גיהאלפין דעם שווינדלער זיין שווינדלעריי . און וואס האט גיהאלפין דעם פאלשען זיינע פאלשקייט . און זייא פלעגין אזוי אויס לאזען זייער אויס רופען ווייא ווערט זיין צו דעם אז דער ווערט אויף שטיין : האט רב אַשִׁי גיזאגט זייער מויל האט זייא שלעכט אויס גירעדט . וויי ווערט זיין צו עֵשָׂו אז יַעֲקֹב ווערט אויף שטיין . ווען זייא וואלטען זאגען זייפנא אחוה דמרנא . פאלש איז דער ברודער פון אונזער הער עֵשָׂו . וואלטען זייא גימיינט דיא פאלשקייט אויף יַעֲקֹב . אָבער איצט אז זייא זאגען אחוה דמרנא זייפנא . מיינען זיי דער ברודער פון אונזער פאלשען הער . דער הערר אליין איז אפאלשער עֵשָׂו אליין איז פאלש :

לד תָּנוּ רַבָּנָן . דיא רַבָּנָן האבין גילערונט ווען מען האט גיכאפט רַבִּי אֱלִיעֶזֶר און מען האט איהם גיוואלט נייטין ער זאל ווערין אאפיקורוס . האט מען איהם גיבריינגט אין סאנד מען זאל איהם מִשְׁפָּטִין . האט דער גרעסטער פון דיא דַיָּנִים גיזאגט צו רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אזוי אאלטער מאן ווייא דוא ביזט זאל זיך בּשעפטיגען מיט אזעלכע לערע רייד ווי אייער תּוֹרָה איז . האט רַבִּי אֱלִיעֶזֶר גיזאגט דער דיין איז גירעכט . האט דער דיין פון סאנד גימיינט אז רַבִּי אֱלִיעֶזֶר זאגט דאס אויף איהם . אז ער איז גירעכט דיא תּוֹרָה איז טאקי לערע רייד . און רַבִּי אֱלִיעֶזֶר האט דאס גאר גימיינט אויף גאט . אז גאט וואס ער איז דער דיין פון דער וועלט איז גירעכט וואס ער האט מיך גיבריינגט אין דער צָרָה . האט דער דיין צו רַבִּי אֱלִיעֶזֶר גיזאגט ווייל דוא האסט מיך גירעכט גימאכט . שווער איך ביי מיין גאט דימוס אז דוא ביזט פון דעם מִשְׁפָּט פרייא . אז רַבִּי אֱלִיעֶזֶר איז גיקומען אהיים . זענען צו איהם אריין גיגאנגען זיינע תַּלְמִידִים איהם צו טרייסטען ווארום רַבִּי אֱלִיעֶזֶר האט שטארק גיטרויערט אויף דער זאך . ער האט גיזוכט וואס פאר איין עֲבֵירָה ער האט גיטאהן . וואס גאט האט איהם גישטראפט) . האט ער ניט אן גינומען פון זיי קיין טרייסטונג . האט רַבִּי עֲקִיבָא גיזאגט צו רַבִּי אֱלִיעֶזֶר רֶבִּי דערלויב מיר צו זאגין פאר דיר איין זאך וואס דוא האסט מיך גילערונט . האט רַבִּי אֱלִיעֶזֶר גיזאגט צו רַבִּי עֲקִיבָא זאג וואס דוא ווייסט . האט רַבִּי עֲקִיבָא גיזאגט צו רַבִּי אֱלִיעֶזֶר רֶבִּי טאמער האסטו אמאהל גיהערט אזאך פון דיא אַפִּיקוֹרְסִים און דוא האסט הֲנָאָה גיהאט פון זייערע רייד . דריבער האט דיך גאט גישטראפט אז דו ביזט אריין גיפאלען אין זייערע הענט . האט רַבִּי אֱלִיעֶזֶר גיזאגט צו רַבִּי עֲקִיבָא : עֲקִיבָא דוא האסט מיך דער מאנט אמאהל בין איך גיגאנגען אין די אויבערשטע גאס פון צִפּוֹרִי האט מיך גיטראפען אמענטש זיין נאמען איז יַעֲקֹב ער איז פון דָאֶרֶף סְכַנְיָא האט ער גיזאגט צו מיר עס שטייט אין

מהלך בשוק העליון של צפורי ומצאני אחד ויעקב איש כפר סכניא שמו אמר לי כתיב בתורתכם (דברים כג) לא תביא אתנן זונה ומחיר כלב בית ה' אלהיך וגו' מהו לעשות ממנו בית הכסא לכהן גדול ולא אמרתי לו כלום אמר לי כך למדני (מיכה א) כי מאתנן זונה קבצה עד אתנן זונה ישובו ממקום הטנופת באו למקום הטנופת ישובו והנאני הדבר ועי"ז נתפשתי למינות ועברתי על מה שכתוב בתורה (משלי ה) הרחק מעליה דרכך ואל תקרב אל פתח ביתה הרחק מעליה דרכך זו מינות ואל תקרב אל פתח ביתה זו הרשות א"ד הרחק מעליה דרכך זו המינות והרשות ואל תקרב אל פתח ביתה זו זונה ועד כמה אמר רב חסדא עד ארבע אמות ורבנן האי מאתנן זונה מאי דרשי ביה כדרב חסדא דא"ר חסדא כל זונה שנשכרת סופה שוכרת שנא' (יחזקאל טז) ובתתך אתנן ואתנן לא נתן לך ותהי להפך ופליגא דר' פדת דא"ר פדת לא אסרה תורה אלא קריבה של גלוי עריות בלבד שנא' (ויקרא יח) איש

איש

והלאך. יפר הדבר בעיניך : לכהן גדול . שהיה פורש מביהו לפני יה"כ ללשכת פרהדרין ושם היו מתקנין לו כל צרכיו : והרשות . שולטנות לפי שמתנין עיניהם בבעלי ממון להרגם וליטול ממונם : ורבנן. דנית נהו האי דבר מינות דיעקב : לסוף . היא נבזית בעיני כל ושוכרתן והכי משמע מאתנן זונה קבלה (ממון) קיבלה מאתנן הזונה ובאתנן זונה ישוב ליתנן : ופליגא דר' פדת . בני ד' אמות דרב חסדא :

אַייֶער תּוֹרָה דִיא מַתָּנָה וָואס אַזוֹנָה בֶּעקוּמְט פַאר אִיהר זְנוּת אוּנ וָואס מֶען הָאט גִיטָאהשְׁט אוֹיף אַהוּנְט זָאלסְטוּ נִיט בְּרֵיינגֶען אִין דִיא הוֹיז פוּן גָאט. אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ ׃ וִויא אִיז דֶער דִין צוּ מֶעג מֶען מַאכֶען פוּן דִיא זַאכֶען אַבֵּית הַכִּסֵא פַאר דֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל ווָארוּם אִין דִיא עֲזָרָה אִיז גִיוֶוען אַשְׁטוּב פַאר דֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל. צוּ מֶעג מֶען מַאכֶען פוּן דֶעם גֶעלְט וָואס אַזוֹנָה הָט גִינוּמֶען פַאר אִיהר זְנוּת אָדֶער וָואס עֶר אִיז פַאר מָאהשְׁט גִיוָוארֶען אוֹיף אַהוּנְט אַבֵּית הַכִּסֵא אִין דֶער עֲזָרָה פַאר דֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל. הָאבּ אִיךְ אִיהם גָאר נִיט גֶיעֶנְפֶערְט. הָאט יַעֲקֹב צוּ מִיר גִיזָאגְט אַזוֹי הָאט מִיךְ דֶער נָבִיא גִילֶערוּנְט ׃ זִיא הָאט פַאר זַאמוּלְט פוּן דִיא מַתָּנוֹת פוּן אַזוֹנָה אוּנ צוּ דִיא מַתָּנוֹת פוּן אַזוֹנָה זָאל דָאס צוּרִיק גֵיין. פוּן אַמִיאוּסֶען אָרְט אִיז דָאס גְקוּמֶען אוּנ צוּ אַמִיאוּסֶען אָרְט זָאל דָאס צוּרִיק גֵיין ׃ צוּ אַבֵּית הַכִּסֵא. הָאבּ אִיךְ הֲנָאָה גִיהַאט פוּן זַיינֶע רֵייד. דוּרְךְ דֶעם בִּין אִיךְ גִיפַאנגֶען גִיוָוארֶען צוּא דִיא אַפִּקוֹרְסִים. ווַייל אִיךְ הָאבּ נִיט גִיטָאהן אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין דֶער תּוֹרָה דוּא זָאלסְט דֶער ווַייטֶערִין פוּן אִיהר דַיין וֶועג דוּא זָאלסְט נִיט גִינֶעהֶנֶען צוּ דִיא טִיר פוּן אִיהר שְׁטוּב. דוּא זָאלסְט דֶער ווַייטֶערֶען פוּן אִיהר דַיין וֶועג. דָאס מֵיינְט מֶען דִיא אַפִּקוֹרְסִים דוּא זָאלסְט נִיט גֵיין צוּ דִיא אַפִּקוֹרְסִים. דוּא זָאלסְט נִיט גִינֶעהֶנֶען צוּ דִיא טִיר פוּן אִיהר שְׁטוּב. דָאס מֵיינְט מֶען דִיא פַארְצַייטִיגֶע מְלָכִים אַז זֵייא הָאבִּין גִיוֶועהן אַיוּד הָאט גֶעלְט הָאבֶּען זֵייא אוֹיף אִיהם גִימַאכְט אַבִּלְבּוּל אוּנ הָאבֶּען אִיהם גִיהַרְגֶת אוּנ הָאבֶּען צוּ גִינוּמֶען זַיין גֶעלְט. זָאגְט דֶער פָּסוּק צוּ דִיא מְלָכִים זָאלסְטוּ נִיט גִינֶעהֶענֶען צוּ דִיא טִיר פוּן זֵייעֶר שְׁטוּב בַּקֶענְט וֶוערִין מִיט זֵייא. אַנְדֶערֶע זָאגִין אַזוֹי מֵיינְט דֶער פָּסוּק דוּא זָאלסְט דֶער ווַייטֶערֶען פוּן אִיהר דַיין וֶועג פוּן דִי אַפִּקוֹרְסִים אוּנ פוּן דִי פַארְצַייטִיגֶע מְלָכִים. אוּנ דוּא זָאלסְט נִיט גִינֶעהֶנֶען צוּ דִיא טִיר פוּן אִיהר שְׁטוּב. פוּן דִיא שְׁטוּב פוּן אַזוֹנָה. וִויא פִיל זָאל מֶען זִיךְ דֶער ווַייטֶערֶען. הָאט רַב חִסְדָא גִיזָאגְט פִיר אֵיילִין. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא דִי רַבָּנָן וָואס דַרְשֶׁנֶען נִיט ווִי דֶער אַפִּקוֹרוֹס יַעֲקֹב הָאט גִיזָאגְט צוּ רַבִּי אֱלִיעֶזֶר. וִויא דַרְשֶׁנֶען זֵייא דֶעם פָּסוּק זִיא הָאט דָאס פַאר זַאמוּלְט פוּן דִיא מַתָּנוֹת פוּן אַזוֹנָה אוּנ צוּ דִיא מַתָּנוֹת פוּן אַזוֹנָה זָאל דָאס צוּרִיק גֵיין. עֶנְפֶערְט דִיא גְמָרָא זֵייא זָאגִין אַזוֹי וִויא רַב חִסְדָא הָאט גִיזָאגְט. דִיא זוֹנָה וָואס בִּיז אִיצְט הָאט מֶען אִיהר גִיצָאהלְט פַאר אִיהר זְנוּת. וֶועט זַיין אִיהר סוֹף אַז זִיא וֶועט בַּצָאהלִין מֶען זָאל מִיט אִיהר מְזַנֶה זַיין. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דוּא וֶועסְט גֶעבִּין אַמַתָּנָה מֶען זָאל מִיט דִיר מְזַנֶה זַיין. אוּנ דִיר וֶועט מֶען קֵיין מַתָּנָה נִיט גֶעבִּין. עֶס אִיז גִיוָוארִין פַאר קֶערְט וִויא עֶס אִיז גִיוֶוען. דָאס מֵיינְט דֶער פָּסוּק וָואס דִיא זוֹנָה הָאט אָן גִיזַאמוּלְט פוּן זְנוּת. וֶועט זִיא דָאס מוּזִין אַוֶועק גֶעבִּין צוּרִיק מֶען זָאל מִיט אִיהר מְזַנֶה זַיין. אוּנ וָואס רַב חִסְדָא זָאגְט אַז מֶען בַּארְף זִיךְ דֶער ווַייטֶערִין

איש אל כל שאר בשרו לא תקרבו לגלות ערוה עולא כי הוה אתא מבי רב הוה מנשק להו לאחתיה אבי ידייהו ואמרי לה אבי חדייהו ופליגא דידיה אדידיה דאמר עולא שום קריבה בעלמא אסור משום לך לך אמרין לנזירא סחור סחור לכרמא לא תקרב :

(משלי ל) לה לעלוקה שתי בנות הב הב אמר רב חסדא אמר מר עוקבא קול שתי בנות שצועקות בגיהנם האומרות בעה"ז הב הב ומאן נינהו המינות והרשות א"ד אמר רב חסדא אמר מר עוקבא קול גיהנם שצועקת ואומרת הביאו לי שתי בנות שאומרות בעה"ז הבא הבא. (שם ב) כל באיה לא ישובון ולא ישיגו ארחות חיים ומאחר שלא שבו היכן ישיגו. ה"ק ואם ישובו לא ישיגו. למימרא דכל דפריש ממינות מיית והא ההיא אתתא דאתת לקמיה דרב חסדא ואמרה ליה קלה שבקלות עשתה בנה הקטן מבנה הגדול ואמר להו רב

אבי ידייהו. בזרועותיהן: אבי חדייהו. החזה. דרך בני אדם כשיוצאין מבית הכנסת נושק כל אחד לאביו ולאמו או לגדול ממנו באצבעותיו או פס ידו משום כבוד: שצועקות. בגיהנם על רוב יסורי גיהנם: מינות. צועקות הבא הקרובה אל ע"ז: רשות. צועקות הבא ממון ודורון וארנונא ומס: לא ישובון. כל המומרים אחר שנדבקו במינות אינן שבין: ואם שבין. ממהרין למות מתוך צרה וכפיית יצרם וזו גזרת מלך עליהם למות: קלה שבקלות. עבירה קלה שבידה זו היא שעשתה וילדה בנה קטן מבעילת בנה גדול שבא עליה ובאת לקבל דין ולשוב

פון אַזוֹנָה פִיר אֵיידִין: קְרִיגְט עֶר אוֹיף רַבִּי פְּדָת. וָוארוּם רַבִּי פְּדָת הָאט גִיזָאגְט דִיא תּוֹרָה הָט נָאר גִיאַסֶרֶת מְזַנֶה זַיין: אָבֶּער נִיט מְזַנֶה זַיין נָאר אַזוֹי שְׁמוּעֶסִין מִיט אַאִשָּׁה מֶעג מֶען. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַבֶּענְטְשׁ זָאל נִיט גִינֶעהֶנֶען צוּ אַזוֹי אַיין אִשָּׁה וָואס זִיא אִיז זַיינֶע אַפְרַיינְדֶען עֶר זָאל מִיט אִיהר מְזַנֶה זַיין. נָאר מְזַנֶה זַיין טָאר מֶען נִיט. אָבֶּער דֶער ווַייטֶערִין זִיךְ פוּן אִיהר דַארְף עֶר נִיט. אַז עוּלָא פְלֶעגְט קוּמֶען פוּן בֵּית הַמִדְרָשׁ פְרֶעגְט עֶר קוּשֶׁען דִיא הֶענְט פוּן זַיין שְׁוֶועסְטֶער. אַנְדֶערֶע זָאגִין עֶר פְלֶעגְט קוּשֶׁען דִיא בְּרִיסְט פוּן זַיין שְׁוֶועסְטֶער. זֶעהְן מִיר דָאךְ אַז נָאר נִיט מְזַנֶה זַיין מֶעג מֶען. זָאגְט דִי גְמָרָא אוּנ עוּלָא קְרִיגְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין; וָוארוּם עוּלָא הָאט גִיזָאגְט אַזוֹי אַאִשָּׁה וָואס מֶען טָאר זִיא נִיט נֶעמֶען פַאר אַווַייבּ טָאר מֶען גָאר נִיט צוּ גֵיין צוּ אִיהר. ווַייל צוּ אַנָזִיר וָואס טָאר נִיט טְרִינְקֶען וַויין. זָאגְט מֶען צוּ אִיהם דוּ זָאלְסְט גֵיין אַרוּם דֶעם ווַיין גָארְטִין אָבֶּער צוּם ווַיין גָארְטִין זָאלְסְטוּ נִיט צוּ גֵיין. טָאמֶער וֶועט עֶר עֶסִין אַווַיין טְרוֹיבּ; אַזוֹי טָאר מֶען נִיט שְׁמוּעֶסִין מִיט אַפְרֶעמְדֶע אִשָּׁה טָאמֶער וֶועט מֶען קוּמֶען צוּ מְזַנֶה זַיין:

לה לַעֲלוּקָה. דֶער גֵיהִנָם הָט צְווַייא טֶעכְטֶער וָואס זַייא שְׁרַייֶען גִיבּ גִיבּ. רַב חִסְדָא זָאגְט פוּן מַר עוּקְבָא וֶועגִין אַזוֹי מֵיינְט דֶער פָּסוּק צְווַייא טֶעכְטֶער שְׁרַייֶען אִין גֵיהִנָם פוּן זַייעֶרֶע יִסוּרִים. ווַייל וֶוען זַייא הָאבֶּען גִילֶעבְּט אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאבֶּען זַייא גֶעשְׁרִיגֶען גִיבּ גִיבּ. וֶוער זֶענֶען דִיא צְווַיי טֶעכְטֶער. אֵיינְס זֶענֶען דִיא אַפִּיקוֹרְסִים וָואס זַייא שְׁרַייֶען מֶען זָאל גֶעבִּין קָרְבָּנוֹת צוּא דִי עֲבוֹדָה זָרָה. דָאס אַנְדֶערֶע זֶענֶען דִיא פַאר צַייטִיגֶע מְלָכִים וָואס פְלֶעגִין שְׁרַייֶען צוּ דִיא יוּדֶען גִיבּ גֶעלְט אוּנ מַתָּנוֹת. אַנְדֶערֶע זָאגִין אַזוֹ הָאט רַב חִסְדָא גִזָאגְט פוּן מַר עוּקְבָא וֶועגִין. דֶער גֵיהִנָם שְׁרַייט אוּנ זָאגְט בְּרֵיינְגְט צוּ מִיר דִי צְווַייא טֶעכְטֶער וָואס הָאבֶּען גִזָאגְט אוֹיף דֶער וֶועלְט גִיבּ גִיבּ. דָאס מֵיינְט מֶען דִיא אַפִּיקוֹרְסִים אוּנ דִי פַאר צַייטִיגֶע מְלָכִים. עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק כָּל בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן וְלֹא יַשִּׂיגוּ אָרְחוֹת חַיִּים. דִיא וָואס זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ אַפִּיקוֹרְסוּת וֶועלֶען נִיט תְּשׁוּבָה טָאהן אוּנ וֶועלִין נִיט בֶּעקוּמֶען דִיא וֶועגִין פוּן לֶעבִּין. אַז זַיי וֶועלִין נִיט תְּשׁוּבָה טאהן גֶעווִיס וֶועלִין זַייא נִיט בֶּעקוּמֶען דִיא וֶועגִין פוּן לֶעבִּין. נָאר אַזוֹי מֵיינְט דֶער פָּסוּק אֲפִילוּ זַייא וֶועלִין תְּשׁוּבָה טָאהן וֶועלִין זַייא אוֹיךְ נִיט בֶּעקוּמֶען דִיא וֶועגִין פוּן לֶעבִּין. ווַייל בַּאלְד נָאךְ דֶער תְּשׁוּבָה וֶועלִין זַיי שְׁטַארְבֶּען. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא דֶער וָואס טוּהט תְּשׁוּבָה אוּנ שֵׁיידְט זִיךְ אָפּ פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת שְׁטַארְבְּט בַּאלְד. אַאִשָּׁה אִיז אַמָאהל גֶעקוּמֶען פַאר רַב חִסְדָא. הָאט זִיא גִזָאגְט צוּ רַב חִסְדָא דִיא קְלֶענְסְטֶע עֲבֵירָה וָואס אִיךְ הָאבּ גִיטָאהן אִיז מַיין עֶלְטֶערֶער זוּהן הָאט מִיט מִיר מְזַנֶה גִיוֶוען אוּנ פוּן אִיהם הָאבּ אִיךְ גִיבָּארֶען

רב חסדא טרחו לה בזוודתא ולא מתה כיון דאמרה ליה קלה שבקלות עשתה מכלל דמינות נמי הויא בה האי דלא מתה משום דלא הדרא בה שפיר. איכא דמתני הכי ממינות אין מעבירה לא והא ההיא אתתא דאתת לקמיה דרב חסדא אמרה ליה קלה שבקלות עשתה בנה קטן מבנה גדול ואמר להו רב חסדא זוידו לה זוודתא ומתה מדקאמרה ליה קלה שבקלות עשתה מכלל דמינות הויא בה:

בתשובה: זוודתא. תכריכין אדם לדרך מתרגמינן זוודין לאורחא ותכריכין הם צדה לדרך כמתים: ה"ג. מדקאמרה קלה שבקלות מכלל דמינות נמי היה בה. אתקפתא היא: ואיכא דמתני הכי ממינות אין מעבירה לא והא ההיא איתתא דאתאי וכו' ומתה. ומשנינן מדקאמרה קלה שבקלות מכלל דמינות הויא בה ומשום הכי מתה:
הרגל דבר. תשמיש הרגל התאוה כמו מרגילין את האדם לעבירה ממשיכין והיינו התאוה:
הפיחה. רוח:

לו ומעבירה לא והתניא אמרו עליו על ר' אלעזר בן דורדיא שלא הניח זונה אחת בעולם שלא בא עליה פ"א שמע שיש זונה בכרכי הים ונוטלת כיס דינרין בשכרה נטל כיס דינרין והלך ועבר עליה ז' נהרות בשעת הרגל דבר הפיחה אמרה כשם שהפיחה אינה חוזרת למקומה כך אלעזר בן דורדיא אין מקבלין אותו בתשובה הלך וישב בין הרים וגבעות אמר הרים וגבעות בקשו עלי רחמים אמרו לו עד שאנו

מיין קליינעם זוהן. הָט רַב חִסְדָא גְזָאגְט צוּ זַיינֶע מֶענְטְשִׁין איר זָאלְט אָן גְרֵייטֶען פַאר איר תַּכְרִיכִים וָוארוּם זיא וֶועט בַּאלְד שְׁטַארְבֶּען. אוּנ זיא איז נִיט גִישְׁטָארְבֶּען. אוּנ אַז זיא הָט גְזָאגְט דִיא גְרִינְגְסְטֶע עֲבֵירָה וָואס זיא הָאט גִיטָאהן איז גִיוֶוען וָואס זיא הָאט מְזַנֶּה גִיוֶוען מִיט איר זוּהן. גֶעוִויס איז זיא גִיוֶוען אַאַפִּיקוֹרֶסֶת אוֹיךְ. אוּנ זיא איז דָאךְ גֶעקוּמֶען פַאר רַב חִסְדָא תְּשׁוּבָה צוּ טָאהן. פוּן דֶעסטְוֶועגִין הָאט זיא גִילֶעבְּט. ענְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא דְרִיבֶּער הָאט זיא גִילֶעבְּט וַוייל זיא הָאט נִיט גִיטָאהן קֵיין אֱמֶתְ'ה תְּשׁוּבָה. אָבֶּער אַז זיא וָואלְט גִיטָאהן אַאֱמֶתְ'ה תְּשׁוּבָה וָואלְט זיא טַאקִי בַּאלְד גִישְׁטָארְבֶּען. אוּנ וַוייל רַב חִסְדָא הָאט גֶעמֵיינְט אַז זיא איז גִיקוּמֶען טָאהן אַאֱמֶתְ'ה תְּשׁוּבָה דְרִיבֶּער הָאט עֶר גִיהֵייסֶען מֶען זָאל אָן גְרֵייטֶען פַאר איר תַּכְרִיכִים. אַנְדֶערֶע לֶערְנֶען אַזוֹי. אַז מֶען טוּהט תְּשׁוּבָה פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת שְׁטַארְבְּט מֶען בַּאלְד. אָבֶּער אַז מֶען טוּהט תְּשׁוּבָה פוּן אַנְדֶערֶע עֲבֵירוֹת שְׁטַארְבְּט מֶען נִיט בַּאלְד. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא דִיא אִשָּׁה וָואס איז גִיקוּמֶען פַאר רַב חִסְדָא אוּנ זיא הָאט גְזָאגְט מַיין גְרִינְגְסְטֶע עֲבֵירָה איז גִיוֶוען וָואס איך הָאבּ מְזַנֶּה גִיוֶוען מִיט מַיין עֶלְטֶערִין זוּהן אוּנ פוּן אִיהם הָאבּ איך גִיבָּארֶען מַיין קְלֵיינֶעם קִינְד. איר עֲבֵירָה איז דָאךְ נָאר גִיוֶוען זְנוּת. נִיט אַפִּיקוֹרְסוּת. פוּן דֶעסטְוֶועגִין הָאט רַב חִסְדָא גְזָאגְט מֶען זָאל אָן גְרֵייטֶען פוּן אִירֶעט וֶועגִין תַּכְרִיכִים אוּנ זיא איז טַאקִי גִישְׁטָארְבֶּען. זֶעהְן מִיר דָאךְ אַז מֶען טוּהט תְּשׁוּבָה אֲפִילוּ פוּן אַנְדֶערֶע עֲבֵירוֹת שְׁטַארְבְּט מֶען אוֹיךְ בַּאלְד. ענְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא וַוייל דִי אִשָּׁה הָאט גְזָאגְט אַז דָס וָוס זי הָט מְזַנֶּה גִיוֶוען מִיט איר זוּהן איז דִי גְרִינְגְסְטֶע עֲבֵירָה אִירֶע. גֶעוִויס איז זיא גִיוֶוען אַאַפִּיקוֹרְסוּת אוֹיךְ. דְרִיבֶּער איז זיא בַּאלְד גִישְׁטָארְבֶּען:

לו וּמֵעֲבֵירָה לא. אַז מֶען טוּהט תְּשׁוּבָה פוּן אַנְדֶערֶע עֲבֵירוֹת שְׁטַארְבְּט מֶען נִיט בַּאלְד. מִיר הָאבֶּען דָאךְ גִילֶערְנְט מֶען הָאט גְזָאגְט אוֹיף רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן דוּרְדַיָא אַז עֶר הָאט נִיט אוֹיס גִילָאזְען אֵיין זוֹנָה אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶר הָאט נִיט מִיט איר מְזַנֶּה גִיוֶוען. אַמָאהל הָאט עֶר גִיהֶערְט אַז אִין דִיא שְׁטֶעט וָואס זֶענֶען אוֹיף דִיא אִינְזֶעלֶען פוּן יַם איז דָא אַזוֹנָה וָואס זיא נֶעמְט אַבֵּייטִיל גֶעלְט פַאר איר מְזַנֶּה זַיין. הָאט דֶער רַבִּי אֶלְעָזָר גֶענוּמֶען אַבֵּייטִיל גֶעלְט אוּנ איז גִיגַאנְגֶען צוּ איר אוּנ עֶר איז אַרִיבֶּער גִיגַאנְגֶען זִיבֶּען טַייכֶען בִּיז עֶר איז צוּ איר גִיקוּמֶען. וֶוען עֶר הָאט מִיט איר מְזַנֶּה גִיוֶוען איז פוּן איר אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען אַלוּפְט. הָאט דִיא זוֹנָה גְזָאגְט אַזוֹי וִויא דֶער לוּפְט קֶען נִיט קוּמֶען צוּרִיק אוֹיף דֶעם אָרְט פוּן וַואנֶען עֶר איז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען. אַזוֹי וֶועט מֶען נִיט אָן נֶעמֶען דִי תְּשׁוּבָה וָואס אֶלְעָזָר בֶּן דוּרְדַיָא וֶועט טָאהן. איז אֶלְעָזָר בֶּן דוּרְדַיָא גִיגַאנְגֶען אוּנ הָאט זִיךְ גִיזֶעצְט צְווִישֶׁען דִיא בֶּערְג. אוּנ עֶר הָאט גְזָאגְט צוּ דִיא בֶּערְג זַייא זָאלְן

פני הפתחא דפ"ז . פתוח לפתח ע"ז כמו פני שאנו מבקשים רחמים עליך נבקש על עצמנו שנאמר (ישעיה נד) כי ההרים ימושו והגבעות תמוטינה אמר שמים וארץ בקשו עלי רחמים אמרו לו עד שאנו מבקשים רחמים עליך נבקש על עצמנו שנאמר (שם נא) כי שמים כעשן נמלחו והארץ כבגד תבלה אמר חמה ולבנה בקשו עלי רחמים אמרו לו עד שאנו מבקשים רחמים עליך נבקש רחמים על עצמנו שנאמר (שם כד) וחפרה הלבנה ובושה החמה אמר כוכבים ומזלות בקשו עלי רחמים אמרו עד שנבקש רחמים עליך נבקש על עצמנו שנאמר (שם לד) ונמקו כל צבא השמים אמר אין הדבר תלוי אלא בי הניח ראשו בין ברכיו וגעה בבכיה עד שיצתה נשמתו יצתה ב"ק ואמרה רבי אלעזר בן דורדיא מזומן לחיי העולם הבא והא הכא בעבירה הוה ומית התם נמי כיון דאביק ביה טובא כמינות הוה דמיא בכה רבי ואמר יש קונה עולמו בכמה שנים ויש קונה עולמו בשעה אחת אמר רבי לא דיין לבעלי תשובה שמקבלים אותם אלא שקורין אותם רבי :

לז רבי חנינא ור' יונתן הוו אזלי באורחא (כי) מטו להנהו תרי שבילי חד הוה פצי אפתחא

בעטין פון זיינעט וועגין גאט זאל אויף איהם רחמנות האבען . האבען דיא בערג גזאגט צוא אלעזר איידער מיר זאלן בעטין גאט זאל אויף דיר רחמנות האבען . וועלין מיר בעסער בעטין גאט זאל אויף אונז רחמנות האבען . אויף אונז איז אויך דא אגזרה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא בערג וועלין אפ גיטאהן ווערין אונ דיא הויכע ערטער וועלען איין גיבויגען ווערין . האט אלעזר גזאגט הימעל אונ ערד זאלען בעטין פון מיינעט וועגין גאט זאל אויף מיר רחמנות האבען . האבען דיא הימעל אונ ערד גזאגט צו אלעזר איידער מיר זאלען בעטין גאט זאל אויף דיר רחמנות האבען . וועלין מיר בעסער בעטין גאט זאל אויף אונז רחמנות האבען . אויף אונז איז אויך דא אגזרה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא הימלען וועלין צוא גיין אזוי וויא דער רויך אונ דיא ערד וועט פאר פוילט ווערין אזוי וויא אקלייד . האט אלעזר גזאגט דיא זוהן אונ די לבנה זאלן בעטין פון מיינעט וועגין גאט זאל אויף מיר רחמנות האבען . האבען די זוהן אונ דיא לבנה גזאגט צו אלעזר איידער מיר זאלן בעטין גאט זאל אויף דיר רחמנות האבען . וועלין מיר בעסער בעטין גאט זאל אויף אונז רחמנות האבען . אויף אונז איז אויך דא אגזרה . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דיא לבנה וועט זיך שעמען אונ דיא זוהן וועט זיך שעמען . ווייל זייער ליכטיגקייט וועט אונטער גיין . האט אלעזר גזאגט די שטערין אונ דיא מזלות זאלין בעטין פון מיינעט וועגין גאט זאל אויף מיר רחמנות האבען . האבען דיא שטערין אונ די מזלות גזאגט צוא אלעזר איידער מיר זאלען בעטין גאט זאל אויף דיר רחמנות האבען . העלין מיר בעסער בעטין גאט זאל אויף אונז רחמנות האבען . אויף אונז איז אויך דא אגזרה . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אלע הערשאפט פון הימעל וועלין צו גיין . האט אלעזר גזאגט דיא זאך ווענדט זיך נאר אן מיר . איך אליין דארף בעטין גאט פון מיינעט וועגין . האט ער גילייגט דעם קאפ צווישען דיא קניא אונ האט געשריגען מיט געוויין ביז זיין נשמה איז ארויס גיגאנגען . איז ארוס גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גזאגט רבי אלעזר בן דורדיא איז אן גיברייט צו עולם הבא . איז דאך דיא קשיא רבי אלעזר האט דאך תשובה גיטאן נאר פון זנות פאר וואס איז ער באלד גישטארבען . ענפערט די גמרא ווייל רבי אלעזר איז גיווען אזוי שטארק בהעפט צו זנות איז ער אין דיא זאך גיווען אאפיקורוס . האט רבי געוויינט אונ האט גזאגט איינער דארף זיך מאטערין פיל יאהר ביז ער איז זוכה צו עולם הבא . אונ איינער קויפט עולם הבא אין איין שעה . הט רבי גזאגט ניט גענוג מען נעמט אן דיא תשובה פון דעם רשע . נאר מען רופט אים נאך רבי . ביז איצט הט ער גיהייסן אלעזר בן דורדיא . אונ איצט אז ער הט תשובה גיטאן רופט מען אים פון הימעל רבי אלעזר בן דורדיא :

לז רבי חנינא אונ רבי יונתן זענען אמאהל גיגאנגען אין וועג . זענען זייא געקומען צו

דע"ז וחד הוה פצי אפתחא דזונות א"ל חד לחבריה ניזיל אפתחא דע"ז (דף ס ע"ב) דנכים יצריה א"ל אידך ניזול אפתחא דזונות ונכפייה ליצרין ונקבל אגרא כי מטו להתם חזנהו לזונות איתכנעו מקמייהו א"ל מנא לך הא א"ל כתיב (משלי ב) מזמה תשמור עליך תבונה תנצרכה אמרו ליה רבנן לרבא מאי מזמה אי לימא תורה דכתיב בה זמה ומתרגמינן עצת חטאין וכתיב (ישעיה כח) הפליא עצה הגדיל תושיה אי הכי מזמה זמה מיבעי ליה אלא מאי מזמה מדברי זמה תשמור עליך תורה תנצרכה :

לח **ת"ר** כשנתפסו ר' אלעזר בן פרטא ור' חנינא בן תרדיון (למינות) א"ל ר"א בן פרטא לר' חנינא בן תרדיון אשריך ר' חנינא שנתפסת על דבר אחד אוי לי שנתפסתי על חמשה דברים אמר ליה רבי חנינא בן תרדיון אשריך שנתפסת על חמשה דברים ואתה ניצול אוי לי

עלימו פיהם : דנכים יצריה . נשחס ונפקד יצרא אכשי כנסת הגדולה בקשו רחמים ונמסר בידם והרגוהו כדאמרינן בד' מיתות כלומר ניזיל בההוא שבינא ולא ניזיל אפתחא דזונות שלא ישלוט בנו יצה"ר : אתכנען זונות מקמייהו . נכנסו מפניהם לקובהן : מנא לך הא . דסמכת אנפשך למיתי הכא ולא מסתפית מיצה"ר : זמה . מתרגמינן עצת חטאין . עצה הוא תרגום של זמה וחטאין הוא הוספת שהתרגום מפרש שהעצה הזו רעה היא של חטא אלמא דזמה היינו ל' עצה והתורה נקראת עצה דכתיב הפליא עצה הגדיל תושיה משמע תורה תשמור עליך : מזמה . מן הזמות תשמור עליך תורה דסיפיה דקרא תבונה תנצרכה מזמה תשמור עליך מכל דבר רע והרהור חטא ואנו הולכין הלוך ודבר בד"ת :
על חמשה דברים . חמשה על גות כן שולין עלי :

אַזוי אַאָרְט וָואס דָארְט הָאבֶּען זִיךְ גִיטֵיילְט צְוֵויי וֶועגִין . אֵיין וֶועג אִיז גִיגַאנְגֶען צוּ אַקְלוֹיסְטֶער . אוּנ אֵיין וֶועג אִיז גִיגַאנְגֶען צוּא אַזֶעלְכֶע שְׁטוּבִּין וָואס דָארְטֶען וואוֹנֶען זוֹנוֹת . הָאט אֵיינֶער גְזָאגְט צוּם אַנְדֶערִין מִיר וֶועלִין גֵיין אִין דִיא וֶועג וָואס גֵייט צוּם קְלוֹיסְטֶער אוּנ מִיר בַּארְפֶען נִיט מוֹרָא הָאבֶּען טָאמֶער וֶועט אוּנְז דֶער יֵצֶר הָרָע אָן רֵיידֶען צוּ דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה . וָוארוּם דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס פְּלֶעגְט אָן רֵיידֶען צוּ דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה . אִיז עֶר שׁוֹין גִישָׁאכְטֶען . מֶעגִין מִיר שׁוֹין גֵיין אִין דִיא וֶועג . הָאט דֶער אַנְדֶערֶער גְזָאגְט מִיר זָאלֶען גֵיין אִין דִיא וֶועג וָואס גֵייט צוּ דִיא וואוֹהנוּנְגֶען פוּן דִיא זוֹנוֹת . וֶועט אוּנְז דֶער יֵצֶר הָרָע אָן רֵיידֶען צוּ זְנוּת אוּנ מִיר וֶועלֶען נִיט פָּאלְגִין דֶעם יֵצֶר הָרָע . וֶועלֶען מִיר הָאבֶּען שָׂכָר . וִויא זֵייא זֶענֶען גֶעקוּמֶען נֶעבִּין דִיא זוֹנוֹת אוּנ זֵייא הָאבֶּען אַקוּק גִיטָאהן אוֹיף דִיא זוֹנוֹת . זֶענֶען דִיא זוֹנוֹת אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין דִיא שְׁטוּבֶּען אוּנ הָאבֶּען זִיךְ בֶּעהַאלְטֶען פַאר זֵייא . הָאט דֶער אַנְדֶערֶער גְזָאגְט צוּ אִיהם פוּן וַואנֶען הָאסְטוּ גֶעוואוּסְט אַז דוּא וֶועסְט דִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקִין אוֹיף דֶעם יֵצֶר הָרָע . הָאט עֶר גְזָאגְט צוּ אִיהם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מְזִמָּה תִּשְׁמוֹר עָלֶיךָ תְּבוּנָה תִּנְצְרֶכָּה . הָאבֶּען דִיא רַבָּנָן גְזָאגְט צוּ רָבָא וָואס מֵיינְט מֶען מְזִמָּה . אִיךְ זָאל זָאגֶען אַז מְזִמָּה מֵיינְט מֶען דִיא תּוֹרָה . וָוס אִין דִיא תּוֹרָה שְׁטֵייט דֶער וָוארְט זִמָּה . טַייטְשְׁט דֶער תַּרְגוּם עֲצַת חֲטָאִין . אַעֵצָה פוּן אַעֲבֵירָה צוּ טָאהן . צוּ מְזַנֶּה זַיין . אוּנ עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק הִפְלִיא עֵצָה הִגְדִּיל תּוּשִׁיָּה . עֶר הָאט וואוּנְדֶערבַּאר גֶעמַאכְט דִיא עֵצָה אוּנ עֶר הָאט גִיגְרֵייסְט דִיא תּוֹרָה . וֶוערְט זְנוּת גִירוּפֶען עֵצָה אוּנ דִיא תּוֹרָה וֶוערְט אוֹיךְ גִירוּפֶען עֵצָה . פַאר וָואס שְׁטֵייט מְזִמָּה . בַּארְף דָאךְ שְׁטֵיין זִמָּה . נָאר מְזִמָּה מֵיינְט מֶען פוּן זִמָּה . דִיא תּוֹרָה וָואס דוּא לֶערְנְסְט וֶועט דִיךְ הִיטֶען פוּן זִמָּה . פוּן זְנוּת . אוּנ מִיר לֶערְנֶען דָאךְ תּוֹרָה . דֶרִיבֶּער וֶועלֶען מִיר גֶעהִיט וֶוערִין פוּן זְנוּת :

לח תָּנוּ רַבָּנָן . דִיא רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערְנְט וֶוען מֶען הָאט אַרַיין גִיזֶעצְט אִין אָסְטְרָאג דֶעם רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן פְּרָטָא אוּנ רַבִּי חֲנִינָא בֶּן תְּרַדְיוֹן . הָאט רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן פְּרָטָא גְזָאגְט צוּא רַבִּי חֲנִינָא בֶּן תְּרַדְיוֹן וואוֹהל צוּ דִיר רַבִּי חֲנִינָא דוּא זִיצְט נָאר וֶועגִין אֵיין בִּלְבּוּל . וֵוייא צוּ מִיר אִיךְ זִיץ וֶועגִין פִינְף בִּלְבּוּלִים . הָט רַבִּי חֲנִינָא גְזָאגְט צוּ רַבִּי אֶלְעָזָר וואוֹהל צוּא דִיר . דוּא זִיצְט וֶועגִין פִינְף בִּלְבּוּלִים פוּן דֶעסְטְוֶועגִין וֶועט מֶען דִיךְ פְּרַיי לָאזִין . אָבֶּער וֵויי צוּ מִיר אִיךְ זִיץ וֶועגִין אֵיין בִּלְבּוּל אוּנ מִיךְ וֶועט מֶען נִיט פְּרַיי לָאזִין . וַוייל דוּ הָאסְט גִילֶערְנְט תּוֹרָה אוּנ הָאסְט גִיטָאהן גְמִילוּת חֲסָדִים דֶרִיבֶּער וֶועסְטוּ פְּרַיי וֶוערִין . אוּנ אִיךְ הָאבּ גְמִילוּת חֲסָדִים נִיט גִיטָאהן אִיךְ הָאבּ

לי שנתפספתי על דבר אחד ואיני ניצול שאתה עסקת בתורה ובג"ח ואני לא עסקתי אלא בתורה בלבד וכדרב הונא דאמר רב הונא כל העוסק בתורה בלבד דומה כמי שאין לו אלוה שנאמר (דה"ב טו) וימים רבים לישראל ללא אלהי אמת וללא כהן מורה וללא תורה מאי ללא אלהי אמת (אמר רב הונא) כל העוסק בתורה בלבד דומה כמי שאין לו אלוה. ובג"ח לא עסק והתניא ר' אליעזר בן יעקב אומר אל יתן אדם מעותיו לארנקי של צדקה אא"כ ממונה עליה ת"ח כר"ח בן תרדיון היכוני מהימן מעבד לא עבד והתניא אמר ליה מעות של פורים נתחלפו לי במעות של צדקה וחלקתים לעניים מעבד עבד כדבעי ליה לא עבד:

כמי שאין לו אלוה. להגין עליו. ה"ג מאי ללא תורה: ור' חנינא בן תרדיון. גבאי של צדקה היה: מעות של פורים. שגביתי מבני העיר לחלק לעניים לסעודתן ותקן אין העני רשאי ליקח מהן למעה לצרכו: נתחלפו לי במעות של צדקה. וסבור הייתי שהן של צדקה וחלקתים לעניים שלא לסעודת פורים ולאי פרעתי משלי את של פורים. נ"א מעות שני לסעודת פורים נתחלפו לי במעות של צדקה וסבור הייתי שהם של צדקה וחלקתים

נאר גילערנט תורה. אונ רב הונא האט גזאגט דער וואס לערנט נאר תורה אליין. אונ גמלות חסדים טוהט ער ניט. איז ער גליך וויא ער וואלט ניט האבען קיין גאט וואס ער זאל איהם העלפין. ווארום עס שטייט אין פסוק עס וועט זיין פיל טעג ביי יודען וואס עס וועט ניט זיין דער אמתר גאט. אונ עס וועט ניט זיין אכהן זאל פסקנן דינים. אונ עס וועט ניט זיין קיין תורה. וואס מיינט מען דער אמתר גאט וועט ניט זיין ביי זייא: הט רב הונא גזאגט דער וואס לערנט נאר תורה אליין אונ גמלות חסדים טוהט ער ניט. איז גליך וויא ער האט ניט קיין גאט וואס זאל איהם העלפען ווארום גאט האט גיבאהט דיא וועלט ער זאל טאהן חסד מיט מענטשין. דריבער דער וואס טוהט חסד מיט מענטשין איז ער בהעפט אין דיא מדות פון גאט. וועט גאט מיט איהם אויך טאהן חסד אונ וועט אויף איהם בשיצען: אבער אז דער מענטש טוהט ניט קיין חסד צו מענטשין. וויל גאט צו איהם אויך ניט טאהן קיין חסד. אונ וויל ניט בשיצען אויף דעם מענטשין. אונ ווען גאט טוהט חסד ווערט ער גערופען דער אמתר גאט. ווארום אז אמענטש טוהט חסד מיט אמענטשין איז דאס אפאלשער חסד. ווארום ער האפט אז פאר דיא טובה וועט גאט איהם אפ טאהן אטובה. אדער דער מענטש וועט איהם אפ מאהן אטובה. אבער אז גאט טוהט אמענטשין אטובה איז דאס אאמתה טובה. ווארום גאט דארף ניט דעם מענטשינס טובה אונ אמענטש קען ניט טאהן קיין טובה צו גאט. פרעגט דיא גמרא הט דען רבי חנינא בן תרדיון ניט גיטאהן קיין גמלות חסדים. מיר האבען דאך גילערנט רבי אליעזר בן יעקב הט גזאגט אמענטש זאל ניט אריין ווארפען געלט אויף צדקה אין דער קאסטען וואו דארט ליגט דיא צדקה געלט. סיידין דער גבאי אויף דעם געלט איז אזו פרום וויא רבי חנינא בן תרדיון. זעהן מיר דאך אז רבי חנינא איז גיוועזן אגבאי פון צדקה. ענפערט די גמרא אזוי מיינט מען דער גבאי זאל זיין אבגלויבטער מענטש אזוי וויא רבי חנינא בן תרדיון. אבער רבי חנינא איז ניט גיוועזן קיין גבאי פון צדקה. פרעגט דיא גמרא מיר האבן דאך גילערנט רבי חנינא בן תרדיון האט גזאגט איך האב צו זאמען גענומען פורים געלט ביי דיא מענטשין פון שטאט איך זאל זייא צו טיילען צו ארעמע לייט זייא זאלען קויפען עסין אויף פורים. אונ דער דין איז אז פון דעם פורים געלט וואס מען גיט דעם ארעם מאן מוז ער נאר קויפען עסין אויף פורים אונ טאר ניט אוים געבין אויף קיין אנדער זאך. איז אבער בייא רבי חנינא פאר טאהשט גיווארען דיא פורים געלט. ער האט גימיינט אז דאס איז צדקה געלט. הט ער דאס צו טיילט צו דיא ארעמע לייט פאר צדקה געלט. האבען די ארעמע לייט פון דעם געלט גיקויפט אנדערע זאכען אונ האבען ניט גיקויפט עסין אויף פורים. האט רבי חנינא גינומען פון זיין אייגענע געלט אזוי פיל ווי ער הט צו זאמען גענומען די פורים געלט אונ ער הט צו טיילט צו דיא ארעמע לייט פאר פורים געלט. זעהן מיר דאך אז רבי חנינא איז גיוועזן אגבאי פון צדקה. ענפערט די גמרא רבי חנינא האט טאקי גיטאהן גמלות חסדים. נאר ניט אזוי פיל וויא ער האט גידארפט טאהן:

לט אתיוה לר"א בן פרטא אמרו ליה מ"ט תנית ומ"ט גנבת אמר להו אי סייפא לא ספרא ואי ספרא לא סייפא מדהא לא איתא הא נמי לא איתא ומאי טעמא קרו לך רבי רבן של טרסיים אני איתו ליה תרי קיבורי אמרן ליה הי דשתיא והי דערבא אתרחיש ליה ניסא אתיא זיבורא ויתיב על דערבא ואתיא זיבורתא ויתיב על דשתיא אמר להו הא דשתיא והא דערבא ומ"ט לא אתית לבי אבידן אמר להו זקן אני ומתיירא אני שמא תרמסוני ברגליכם אמרו ועד האידנא כמה סבא אתרמוס אתרחיש ניסא וארמס חד סבא בההוא יומא ומ"ט שבקת עבדך לחירות אמר להו לא היו דברים מעולם קם חד מינייהו לאסהודי ביה אתא אליהו אידמי ליה כחד מחשיבי דמלכותא אמר ליה מדאתרחיש ליה ניסא בכולהו בהא נמי מתרחיש לי' ניסא והההוא גברא בישותיה הוא דקא מחוי

ולא

פירוש: לעניים ולא חזרתי ליפרע מארנקי של צדקה: גנבת. גנב וליסטים הייתי: מדהא לא איתא. כשם שאין שתיהם בי דהא אין שתיהם באדם אחד כן אין אחת מהם בי והאומר לכם עלי שקר גומא בדבריו: מ"ט קרו לך רבי. הרי עלילה פליטית: טרסיים. גרדיים: קיבורי. פקעיות למוסיכא"ש הי דשתיא והי דערבא. איזה של שתי ואיזה של ערב: אתא זבורא. זכר ויתיב על דערבא ואתא זיבורתא נקבה ויתיבא על דשתיא והבין שהוא נס הנעשה לו שהשתי מקבל ערב כנקבה המקבלת את הזכר: לבי אבידן. בית שאוכלין ושותין שם לכבוד ע"ז ומזבלין זבול לע"ז ומפקחין על עסקיה לידע מה היא צריכה ומתנדבין: עבדך לחירות. והם גזרו על כך לפי שהוא דת יהודית: אידמי ליה. להוא גברא: בישותיה הוא דקא מחוי.

לט אתיוה. מען הט געברייינגט רבי אלעזר בן פרטא צום משפט. האבען די דיינים גזאגט צו רבי אלעזר פאר וואס האסטו געלערנט תורה און פאר וואס האסטו גיגנבת. האט רבי אלעזר צו זייא גזאגט. דער מענטש וואס גייט מיט אשווערד צוא גנבנן איז ער ניט פון דיא מענטשין וואס זיצען אין בית המדרש און לערנען תורה. און דער מענטש וואס זיצט אין בית המדרש און לערנט וועט ניט גיין מיט אשווערד גנבנן. דיא ביידע זאכען צו זאמען קענען ניט זיין ביי איין מענטשין. הט מען דאך אייך גזאגט אליגען אז איך האב גיטאהן ביידע זאכען. זאג איך אייך איצט אז ביידע זאכען האב איך ניט גיטאהן. איך האב ניט גילערנט תורה און האב ניט גיגנבת. האבען דיא דיינים גזאגט צו רבי אליעזר פאר וואס רופט מען דיך רבי. הט רבי אלעזר גזאגט די וועבערס רופען מיך רבי ווייל איך לערין זייא די ארבעט פון וועבעריי. האט מען געברייינגט צוויי קנוילען פאדים. און מען האט גיפרעגט ביי רבי אלעזר אז דוא ביסט אוועבער זאג אונז וועלכער קנויל איז שתי (דיא לאנגע פעדים) און וועלכער קנויל איז ערב (דיא דורך ווארף פעדים). האט זיך אים גיטראפען אנס איז גיקומען אפליג אזכר און האט זיך גיזעצט אויף דעם קנויל ערב פאדים. און עס איז געקומען אפליג אנקבה און האט זיך גיזעצט אויף דעם קנויל שתי פאדים. האט רבי אלעזר זייא גזאגט דער קנויל איז ערב פאדים און דער קנויל איז שתי פאדים (ווארום דער פאדים ערב איז אזוי וויא אזכר און דער פאדים שתי איז אזוי וויא אנקבה): האבען דיא דיינים גיפרעגט ביי רבי אלעזר פאר וואס קומסטו ניט צוא אונזער פאר זאמלונג זאלסט מיט אונז עסין און טרינקען און געבין נדבות פון וועגין אונזער גאט. האט רבי אלעזר גזאגט איך בין אאלטער מאן און בייא אייער פאר זאמלונג זענען דא פיל מענטשין האב איך מורא מען זאל מיך ניט צו טרעטין מיט די פיס. האבען די דיינים גזאגט וויא פיל אלטע לייט האט מען דאס צו טרעטין ביז איצט. עס הט נאך קיין מאהל ניט גיטראפען מען זאל אאלטען מאן צו טרעטין. האט זיך גיטראפען אנס אז דעם טאג הט מען צוא טרעטין אאלטען מאן: נאך האבען דיא דיינים גיפרעגט ביי רבי אלעזר דוא האסט גיהאט אגוישען קנעכט פאר וואס האסטו איהם ארויס גילאזן פריי ער זאל ווערין איוד. האט רבי אלעזר גזאגט עס איז ליגען. האט זיך איינער פון זייא אויף גישטעלט און הט גיוואלט צו גיין עדות זאגן אויף רבי אלעזר אז ער האט יא פריי גימאכט זיין קנעכט. איז גיקומען אליהו הנביא און הט זיך פאר שטעלט וויא איינער פון דיא גרויסע לייט פון מלך און האט גזאגט צו דעם עדות אזוי פיל נסים איז היינט גיטאהן גיווארען צו דעם רבי אלעזר געוויס וועט איהם אויף דער זאך אויך טרעפין אנס. דו וועסט נאר ווייזען דיין שלעכטיגקייט. און ער וועט גיהאלפען ווערין.

ולא אשגח ביה קם למיכר להו הוה כתיבא אגרתא דהוה כתיב מחשובי דרומאי לשדורי לקיסר ושדרוה בידיה דההוא גברא אתא אליהו פתקיה ארבע מאה פרסי אזל ולא אתא

מ אתיוה לר' חנינא בן תרדיון א"ל מ"ט קא עסקת בתורה אמר להו כאשר צוני ה' אלהי מיד גזרו עליו לשרפה ועל אשתו להריגה ועל בתו לישב בקובה של זונות. עליו לשרפה שהיה (דף יח) הוגה את השם באותיותיו והיכי עביד הכי והא תנן אבא שאול אומר אף ההוגה את השם באותיותיו אין לו חלק לעה"ב, להתלמד עבד דתניא (דברים יח) לא תלמד לעשות אבל אתה למד להבין ולהורות ואלא מ"ט איענש משום דהוגה את השם בפרהסיא הוה, ועל אשתו להריגה דלא מיחתה ביה מכאן אמרו כל מי שיש בידו למחות ואינו מוחה נענש עליו, ועל בתו לישב בקובה של זונות דאמר ר' יוחנן פעם אחת היתה בתו מהלכת לפני גדולי רומי אמרו

רשעך הרשע והודיע שרשע אתה וזאת יגלה ע"י גם: הוה כתיבא חד אגרתא. דבעו חשובי רומי לשדורי לקיסר על עסקיהן ששדרוה ההיא שעתא בידיה דההוא גברא: פתקיה אליהו והזריקו ד' מאות פרסי למען לא יבוא עוד לביתו כמו שקל קלא פתק ביה:

עליו לשרפה. למה נענש כן: לפי שהיה הוגה את השם באותיותיו. דורשו בארבעים ושתים אותיות ועושה בו מה שחפץ: להתלמד עבד כדתניא כו'. ומיהו הקב"ה מדקדק עם הצדיקים כחוט השערה ואפילו להתלמד יש לחוש לכבוד הרב וקרא דלא תלמד לעשות במילי אחרנייתא תוקמיה כגון נטיעה קשאין דסנהדרין ודמות צורות לבנות דר"ג: בקובה. אהל זונות כדכתיב אל הקובה:

האט דער עדות ניט געקוקט אויף זיינע רייד. אונ האט זיך געשטעלט עדות זאגען אז רבי אלעזר האט פריי געמאכט זיין קנעכט. איז געלעגען אגעשריבענער בריף וואס די גרויסע לייט פון רוים האבען איהם געשריבען אונ האבען איהם געוואלט שיקען צום קיסר. האט מען געזאגט צוא דעם עדות ער זאל שוין פארען מיט דעם בריף צום קיסר. האט ער שוין קיין צייט ניט געהאט עדות צו זאגען. וויא ער איז ארויס געפארען פון שטאט. איז געקומען אליהו אונ האט דעם עדות פאר ווארפען פיר הונדערט מייל וייט אונ ער איז שוין ניט צוריק געקומען:

מ אתיוה. דער נאך האט מען געברענגט רבי חנינא בן תרדיון צום משפט. האט מען געזאגט צו איהם פאר וואס לערנסטו תורה. האט רבי חנינא געזאגט ווייל גאט האט געבאטען איך זאל לערנען תורה. האט מען באלד גיפסקנט איהם זאל מען פאר ברענען. דאס ווייב זאל מען הרגנן. דיא טאכטער זאל זיצען ביי די זונות. פאר וואס האט גאט געשטראפט מען זאל רבי חנינא פאר ברענען: ווייל ער האט ארויס גירעט דעם נאמען פון גאט מיט די אותיות אונ ער האט גיטאהן וואס ער האט גיוואלט. פרעגט די גמרא וויא אזוי האט רבי חנינא גיטאהן אזוי אזאך מיר האבין דאך גילערנט אבא שאול זאגט דער וואס רעט ארויס דעם נאמען פון גאט מיט די אותיות האט ער ניט קיין חלק עולם הבא. ענפערט די גמרא ער האט דאס גיטאהן צום לערנען ער זאל דאס נאר קענען אבער גיטאהן האט ער מיט דיא שמות גאר ניט. אונ מיר האבען גילערנט. עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט לערנען צום טאהן. אבער דוא מעגסט לערנען צו פאר שטיין דוא זאלסט וויסען צו פסקנען איין אנדערין וואס ער טאר ניט. פרעגט די גמרא אז רבי חנינא האט געמעגט פאר וואס איז ער געשטראפט געווארין. ענפערט די גמרא ווייל ער האט גירעט דעם נאמען פון גאט מיט די אותיות פאר פיל מענטשין. אונ ער האט נאר גימעגט אין דער שטיל קיינער זאל ניט הערין. אונ פאר וואס האט גאט געשטראפט די ווייב זיינע מען זאל זיא הרגנן. ווייל זיא האט איהם ניט געשטערט ער זאל ניט ריידען דעם נאמען פון גאט פאר פיל מענטשין. פון דאנען האבין די חכמים געזאגט דער מענטש וואס קען שטערין זיין חבר ער זאל ניט טאהן קיין עבירה: אונ ער שטערט איהם ניט. ווערט ער אויך געשטראפט. אונ פאר וואס האט גאט געשטראפט די טאכטער זיינע זיא זאל מוזען זיצען צווישען זונות. ווארום רבי יוחנן האט געזאגט אמאהל איז די טאכטער פון רבי חנינא געגאנגען פאר די גרויסע לייט פון רוים. האבין די גרויסע לייט פון רוים געזאגט וויא שיין זענען די טריט פון די מיידיל. וויא זיא

אמרו כמה נאה פסיעותיה של ריבה זאת מיד דקדקה בפסיעותיה והיינו דאמר ר"ל מ"ד (תהלים מט) עון עקבי יסובני עונות שאדם דש בעקביו בעה"ז מסבבין אותו ביום הדין ובשעת הוצאת שלשתן הצדיקו עליהם את הדין הוא אמר (דברים לב) הצור תמים פעלו כי כל דרכיו משפט, אשתו אמרה (שם) אל אמונה ואין עול צדיק וישר הוא. בתו אמרה (ירמיה לב) גדול העצה ורב העליליה אשר עיניך פקוחות על כל דרכי בני אדם אמר רבי כמה גדולים שלשה הצדיקים הללו שנזדמנו להם שלשה מקראות של צדוק הדין בשעת צדוק הדין:

מא ת"ר כשחלה רבי יוסי בן קסמא הלך ר"ח בן תרדיון אצלו לבקרו א"ל חנינא אחי אי אתה יודע שאומה זו מן השמים המליכוה שהחריבה ביתו ושרפה את היכלו והרגה את חסידיו ואבדה את טוביו ועדיין היא קיימת ואני שמעתי עליך שאתה יושב ועוסק בתורה ומקהיל קהלות ברבים וספר (תורה) מונחת בחיקך אמר ליה מן השמים ירחמו אמר ליה אני אומר לך דברים של טעם ואתה אומר מן השמים ירחמו תמהני אם

דקדקה. לפסוע פסיעות נאות וכתיב כל כבודה בת מלך פנימה: שאדם דש בעקביו. דקדוק פסיעות כי הכא. נ"א שאדם דורכן ברגליו שאין חשובין בעיניו כלום: על כל דרכי. אפילו דקדוק פסיעות: שאתה יושב ועוסק בתורה. והם גזרו על כך: דברים של טעם. שהחריבה את ביתו:

האט דאס געהערט האט זיא געזעהן צו מאכען נאך שענערע טריט. דאס איז וואס ריש לקיש האט געזאגט, עס שטייט אין פסוק די זינד פון מיינע טריט רינגלען מיך ארום. די זינד וואס דער מענטש טרעט מיט זיינע פיס אויף דער וועלט וואס דער מענטש רעכענט דאס גאר ניט פאר עבירות, וועלין איהם ארומרינגלען אויף יענער וועלט ווען ער וועט שטיין צום משפט און ער וועט אויף זייא געשטראפט ווערין. און ווען מען האט זיי אלע דריי ארויס געפירט האבין זיי אויף זיך גירעכט געמאכט דעם משפט פון גאט: רבי חנינא האט געזאגט דעם פסוק הצור תמים פעלו כי כל דרכיו משפט [דער באשעפער זיינע ווערק ענען מיט גאנצקייט. זיינע אלע וועגין זענען מיט משפט]. זיין ווייב האט געזאגט דעם פסוק אל אמונה ואין עול צדיק וישר הוא [גאט איז אמת ער טוהט קיין אומרעכט ער איז גירעכט און גלייך]. זיין טאכטער האט געזאגט דעם פסוק גאט גיט גרויסע עצות און ער טוהט גרויסע זאכין. דיינע אויגין זענען אפען צו קוקען אויף אלע וועגין פון די מענטשין. האט רבי געזאגט ווי גרויס זענען געוועזען דיא דריי צדיקים. אז זייא האבען גיטראפען צו זאגין דריי פסוקים פון צדוק הדין ווען זייא האבין אויף זיך גידארפט גירעכט מאכין דעם דין:

מא תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט ווען רבי יוסי בן קסמא איז קראנק געוועזען איז רבי חנינא בן תרדיון גיגאנגען צו איהם מבקר חולה זיין. האט רבי יוסי גזאגט צו רבי חנינא, חנינא מיין ברודער ווייסטו דען ניט אז די פאלק רוים האט מען געמאכט קעניגע פון הימעל. זיא האט חרוב געמאכט דיא שטוב פון גאט און זיא האט פאר ברענט זיין היכל און זי האט גיהרגת זיינע חסידים און זיא האט פאר לענדט זיינע בעסטע מענטשין און זיא איז נאך דא. געוויס האט מען אזוי געהייסען פון הימעל. און איך האב געהערט אויף דיר אז דוא זיצט און לערנסט תורה. און דוא פאר זאמלסט פיל מענטשין און א ספר תורה ליגט ביי דיר אין שויס און לערנסט תורה. דיא רומים האבען דאך פאר באטען מען זאל ניט לערנען תורה. האט רבי חנינא גזאגט פון הימעל וועט מען רחמנות האבען אויף מיר. האט רבי יוסי גזאגט צו רבי חנינא איך זאג דיר א זאך מיט א טעם ווייל מיר זעהן דיא רומים האבען אזוי פיל שלעכטס גיטאהן און גאט לאזט זייא לעבין מיט גרויס גליק. איז דאך א סימן אז אלץ וואס זיי טוהען וויל גאט אזוי. וויל גאט דיא גזירה אויך וואס זייא האבען גוזר געוועזען מען זאל ניט לערנען תורה. און דוא זאגסט גאט וועט רחמנות האבען. אויב מען וועט ניט פאר ברענען דיך מיט דער ספר תורה אין פייער. וועט מיר זיין א גרויס וואונדער. האט רבי חנינא גזאגט צו רבי יוסי וועל

אם לא ישרפו אותך ואת ס"ת באש א"ל ר"ח מה אני לעולם הבא א"ל כלום בא מעשה לידך א"ל רבי מעותי של פורים נתחלפו לי במעות של צדקה וחלקתים לעניים אמר ליה אם כן מחלקך יהא חלקי ומגורלך יהא גורלי אמרו לא היו ימים מועטים עד שנפטר ר' יוסי בן קסמא והלכו כל גדולי רומי לקברו והספידוהו הספד גדול ובחזרתן מצאו לר"ח בן תרדיון שהיה יושב ועוסק בתורה ומקהיל קהלות ברבים וס"ת מונח לו בחיקו הביאוהו וכרכוהו בס"ת והקיפוהו בחבילי זמורות והציתו בהן את האור והביאו ספוגין של צמר ושראום במים והניחום על לבו כדי שלא תצא נשמתו מהר אמרה לו בתו אבא אראך בכך אמר לה אלמלי אני נשרפתי לבדי היה קשה הדבר לי ועכשיו שאני נשרף וס"ת עמי מי שיבקש עלבונה של תורה הוא יבקש עלבוני אמרו לו תלמידיו ר' מה אתה רואה אמר להן גוילין נשרפין ואותיותיו פורחות אף אתה פתח פיך ויכנס בך האש אמר להן מוטב שיטלנה מי שנתנה ואל יחבול הוא בעצמו אמר ליה קליסטנירו רבי אם אני מרבה עליך בשלהבת ונוטל ספוגין של צמר מעל לבך אתה מביאני לעה"ב א"ל הן אשתבע לי אישתבע לו

הכרנה את תכידיו ועדיין היא קיימת : כלום מעשה בא לידך . ואשמע איך היית נוהג : מעות של פורים . שהכנתי לסעודת פורים שלי נתחלפו לי וחלקתים לעניים וסבור הייתי שאחרנקי של צדקה היא ולא נפרעתי מארנקי של צדקה : מחלקך יהא חלקי . הואיל והיית ותכן במזונך : אראך בכך . כלומר זהו בכרה כל תורה: קליסטנירו. ממונה עני :

איך האבען עולם הבא . האט רבי יוסי געזאגט צוא רבי חנינא האט זיך דיר עפעס אמאהל געטראפען . האט רבי חנינא געזאגט פורים געלט איז מיר פאר טאהשט געווארען אויף געלט פון צדקה האב איך זייא צו טיילט צו ארעמע לייט והאב איך בצאהלט די פורים געלט פון מיין אייגענע געלט . אזוי וויא עס שטייט אין סימן לח] . האט רבי יוסי געזאגט צוא רבי חנינא אויב עס איז אזוי פון דיין חלק זאל זיין מיין חלק אונ פון דיין גורל זאל זיין מיין גורל . איך וואלט אויך וועלען האבען אזוי אעולם הבא וויא דוא וועסט האבען . מען האט געזאגט אין אקליינע צייט שפעטער איז רבי יוסי בן קסמא געשטארבען . אונ דיא גרעסטע מענטשין פון רוים זענען גיגאנגען ביז צו זיין קבר אונ זיי האבען איהם מספיד געווען אגרויסען הספד . אונ ווען זייא זענען גיגאנגען צוריק פון דער לויה האבען זייא געטראפען רבי חנינא בן תרדיון זיצט אונ לערונט תורה אונ ער האט פאר זאמעלט געבען זיך פיל מענטשין אונ אספר תורה ליגט ביי איהם אין שויס . האבען זייא גענומען אונ האבען איין געוויקעלט רבי חנינא אין דער ספר תורה אונ האבען געלייגט ארום איהם בינטלאך צווייגען אונ האבען אן געצונדען פייער אין דיא בינטלאך צווייגען . אונ זייא האבען גיברייגגט שטיקער וואל ניט געשפונגענע אונ האבען די וואל געווייקט אין וואסער אונ האבען דיא וואל גילייגט אויף זיין הארץ ער זאל ניט קענען געשווינט שטארבען . האט די טאכטער געזאגט צו רבי חנינא טאטע דאס איז דער שכר פון דיין תורה איך זאל דיך אזוי זעהן . האט רבי חנינא צוא איר געזאגט ווען איך וואלט פאר ברענט געווארען אליין . וואלט מיר די זאך שווער גיוועז . איצט אז איך בין פאר ברענט געווארען מיט די ספר תורה . ווער עס וועט זוכען די תרפה פון די ספר תורה . דער וועט זוכען מיין תרפה . די תלמידים האבען געזאגט צו רבי חנינא רבי וואס זעהסטו . האט רבי חנינא צו זייא געזאגט איך זעה וויא די אותיות פון דיא ספר תורה פליהען ארויף אונ עס ווערט פאר ברענט דער לידיגער פארמעט . האבען דיא תלמידים געזאגט צו רבי חנינא העפין דיין מויל וועט אין דיר אריין גיין דער פייער וועסטו געשווינט שטארבען . האט רבי חנינא צו זייא געזאגט עס איז בעסער עס זאל צו נעמען דיא נשמה דער וואס האט זיא מיר גיגעבען . אונ איך וויל מיך אליין ניט פאר ברענגען . האט אעלצטער געזאגט צו רבי חנינא רבי אויב איך וועל אויף דיר ארויף לייגען נאך פייער אונ וועל פאר גרעסערין דעם פלאם אונ איך וועל אראפ נעמען דיא נאסע וואל פון דיין הארץ וועסטו מיך ברייגגען צו עולם הבא . האט רבי חנינא געזאגט יא . האט דער עלצטער געזאגט צו רבי חנינא שווער אז דוא וועסט מיך ברייגגען צוא עולם הבא . האט רבי חנינא געשוואוירן . האט דער

לו מיד הרבה עליו בשלהבת ונטל ספוגין של צמר מעל לבו ויצאה נשמתו במהרה אף הוא קפץ ונפל להוך האור יצאה בת קול ואמרה ר"ח בן תרדיון וקליסטנירו מזומנים לחיי העה"ב בכה רבי ואמר יש קונה עולמו בשעה אחת ויש קונה עולמו בכמה שנים:

מב ברוריא דביתהו דר' מאיר ברתיה דר' חנינא בן תרדיון הות אמרה ליה זילא בי מלתא דיתבה אחותי בקובה של זונות שקל תרקבא דדינרין ואזל ואמר אי לא אתעביד בה איסורא מתרחיש ניסא ואי עבדת איסורא לא מתרחיש ניסא אזל נקט נפשיה כחד פרשא אמר לה השמיעי לי אמרה ליה דשתנא אנא אמר לה מתרחנא לך אמרה ומאי נפקא לך מינאי דאיכא נפישין דשפירי מינאי טובא אמר ש"מ לא אתעביד בה איסורא כל דאתי אמרה ליה הכי אזל לגבי שומר דידה א"ל הבה ניהלי א"ל מסתפינא ממלכותא א"ל שקול תרקבא דדינרי פלגא פלח ופלגא ליהוי לך א"ל וכי שלמי מאי איעבד א"ל איכר אלהא דמאיר ענני ומיתצלת א"ל (ע"ב) וכי יימר דהכי הוא אמר ליה השתא חזית הוו כלבי דאכלי אינשי שקל קלא פתק בהו

תרקבא. תרי וקבי הוי סאה: דינרי. זהובים: נקט נפשיה כחד פרשא. מתקן עניני לבושו כאחד מן הפרשים: דשתנא הכא. דרך נשים ני: מתרחנא. אתאחר כלו' אמתין עד שיפסוק לך ודוגמתה בבבא קמא בשלהי מרובה מאן תרת ניה שמואל: פלגא פלח. את כמלך בכל עת שיעליל עליך פייסנו בדינרין: וכי שלמי. כשיכלו כדינרין ממאי פלהנא: מי יימר: שאמת אתך שתנצל

עלצטער באלד געמאכט אגרויסען פלאם אונ האט אראפ גענומען די נאסע וואל פון זיין הארץ. איז באלד ארויס גיגאנגען די נשמה פון רבי חנינא. אונ דער עלצטער איז אויך ארין גישפרונגען אין פייער אונ איז פאר ברענט גיווארען. איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גזאגט רבי חנינא בן תרדיון אונ דער עלצטער זענען אן גיברייט צוא עולם הבא. האט רבי געוויינט איינער קויפט עולם הבא אין איין שעה. אונ איינער מאטערט זיך פיל יאהר ביז ער קויפט עולם הבא:

מב ברוריא. די ווייב פון רבי מאיר איז גיוועזן די טאכטער פון רבי חנינא בן תרדיון. האט ברוריא גיזאגט צו רבי מאיר עס איז פאר מיר ניט שיין אז מיין שוועסטער זאל זיצען בייא די זונות. האט רבי מאיר גינומען דריי מאס גילדינס אונ איז גיגאנגען איהר אוים לייזין. הט רבי מאיר אזוי גיזאגט אויב מען האט נאך מיט איהר ניט מזנה גיוועזן וועט זיך טרעפין אנס אונ איך וועל איהר קענען אוים לייזין. אונ אויב מען האט שוין מיט איהר מזנה גיוועזן. וועט קיין נס ניט טרעפין. אונ איך וועל איהר ניט קענען אוים לייזין. איז רבי מאיר גיגאנגען אונ האט זיך פאר שטעלט ווי אבייטער. די שוועגערין זיינע זאל איהם ניט דער קענען. אונ האט גיזאגט צו דיא שוועגערין זיא זאל מיט איהם מזנה זיין. האט די שוועגערין גיזאגט איך בין אנדה. האט רבי מאיר צו איהר גיזאגט איך וועל ווארטין ביז דוא וועסט שוין קענען מיט מיר מזנה זיין. האט זיא גיזאגט צו רבי מאיר צו וואס דארפסטו מיך גיי אריין אין שטוב איז דא נאך זונות וואס זענען שענער ווי איך. האט רבי מאיר ביי זיך געטראכט פון די רייד זעהט מען אז זיא האט נאך ניט מזנה גיוועזן. ווער עס קומט צו איהר ענטפערט זיא איהם אזוי ווי זי האט מיר גיענטפערט. איז רבי מאיר גיגאנגען צו איהר היטער אונ האט גיזאגט צו איהם גיב זיא מיר. האט דער היטער גיזאגט איך האב מורא פאר די עלצטע פון דעם מלך. האט רבי מאיר גיזאגט צו דעם היטער איך גיב דיר דריי מאס גילדען העלפט וועסטו נעמען פאר דיר אונ העלפט וועסטו האבין צו געבין די עלצטע פון מלך צו יעדער צייט ווען זיי וועלין דיר וועלין שלעכטס טאהן. הט דער היטער גיזאגט צו רבי מאיר אז דאס געלט וועט זיך אוים לאזין אונ די עלצטע פון מלך וועלין מיך פייניגען וואס וועל איך טאהן. האט רבי מאיר גיזאגט צום היטער דו זאלסט זאגן גאט פון מאיר זאל מיר ענטפערין. וועלין זייא דיך פרייא לאזין. האט דער היטער גיזאגט צו רבי מאיר פון וואנען וויים איך אז עס איז אזוי. האט רבי מאיר גיזאגט צום היטער דו וועסט באלד זעהן. דארטין זענען גיוועזן הינט וואס עסין מענטשין. האט ער גינומען אין

בהדי אתו עליה למיכליה אמר אלהא דמאיר ענני שבקוהו יהבה לה ניהליה לסוף אשתמעא מלתא בי מלכא אתיוהו אסקוהו לזקיפא אמר אלהא דמאיר ענני אחתוהו אמרו ליה מאי האי אמר להו הכי הוה עובדא חקקוהו לדמותיה דר"מ אפתחא דרומאי אמרי כל דחזייה ליה לתפסיה יומא חד חזיוה רהטו אבתריה רהט מקמייהו ואזל לבי זונות א"ד בשול עכו"ם חזא טמש בהא ומתק בהא וא"ד אתא אליהו אידמי ליה כזונה כרכתיה (ואחדתיה) אמרי ח"ו אי ר"מ הוה לא היה עביד הכי קא ערק לבבל א"ד משום האי מעשה וא"ד במעשה דברוריא :

ת"ר

בתפלה זו : שקל קלא . פסת רגלים : אתיוהו . לשומר : אסקוהו לזקיפא . לתלות פורק"א שצולבין בה : מאי האי . דלא מיגלא לאזקפא : אתא לבי זונות . כדי שיאמרו לא הוא דאיהו לא הוה עייל : טמש בהא ומתק בהא . טבל אחד מאצבעותיו ומצץ את האחרת : כרכתיה . חבקתו כאילו היה רגיל אצלה : א"ד משום האי מעשה ערק : וא"ד משום מעשה דברוריא . בפעם אחת לגלגה על מה שאמרו חכמים נשים דעתן קלות עליהן ואמר לה חייך סופך להודות לדבריהן וצוה לאחד מתלמידיו לנסותה לדבר עבירה והפציר בה ימים רבים עד שנתרצית וכשנודע לה הדבר חנקה עצמה וערק ר"מ מחמת כיסופא :

שטיקול בלאטע אונ האט אווארף גיטאהן צו די הינט . ווענען די הינט אן גירייצט גיווארען אויף איהם אונ האבען איהם גיוואלט אויף עסין . האט ער גיזאגט דער גאט פון מאיר זאל מיר ענפערין . האבען אים די הינט אפ גילאזין . האט דער היטער גיגעבין צו רבי מאיר זיין שוועגערין . דער נאך איז גיהערט גיווארען דיא זאך ביי דעם מלך אז דער היטער האט פריי גילאזט גיין די טאכטער פון רבי חנינא . האט מען גינומען דעם היטער אונ מען האט איהם ארויף גיצויגין צום הייגען . האט דער היטער גיזאגט דער גאט פון מאיר זאל מיר ענפערין . הט מען איהם אראפ גילאזט . האבען דיא עלצטע פון מלך זיך גיוואונדערט פאר וואס מען קען איהם ניט הייגען . האט דער היטער זיי דער ציילט די גאנצע געשיכטע מיט רבי מאיר . האט מען אויף גימאלט אויף דעם טויער פון רוים די צורה פון רבי מאיר . אונ מען האט גיזאגט ווער עס וועט זעהן אזוי אמענטש זאל ער אים חאפין . אמאהל האט מען איהם דער זעהן איז מען גילאפען נאך איהם איז ער אריין גילאפען אין אשטוב וואס דארטען זיצען זונות . האט מען גיזאגט דס איז ניט רבי מאיר . ווארום רבי מאיר וואלט ניט אריין גיין צו זונות . האט מען איהם ניט געיאגט . אנדערע זאגין רבי מאיר האט לויפענדיג דער זעהן איין גוישע עסען געקאכטע האט ער אריין געטונקט איין פינגער אין דאס עסען אונ האט גינומען די האנט צום מויל אונ הט אריין גישטעקט איין אנדער פינגער אין מויל . די נאך יאגערס האבען גימיינט אז ער האט אריין גענומען אין מויל דעם זעלבינען פינגער וואס ער האט איין געטונקט אין די טרפה עסין . האבין זיי גיזאגט דס איז ניט רבי מאיר . ווארום רבי מאיר וועט ניט עסין טרפות . אנדערע זאגין אליהו הנביא איז געקומען אונ האט זיך פארשטעלט פאר אזונה אונ האט ארום גענומען דעם רבי מאיר . האבען די נאך יאגערס גיזאגט חס ושלום רבי מאיר וועט אזעלכעס ניט טאהן . דאס איז ניט רבי מאיר . איז רבי מאיר אנטלאפען אין בבל . אנדערע זאגין דורך דער מעשה איז רבי מאיר אנטלאפען אין בבל . אונ אנדערע זאגין דורך דער מעשה פון זיין ווייב ברוריא איז ער אנטלאפען אין בבל ווארום ברוריא די ווייב פון רבי מאיר פלעגט אייביג לאכען פון דעם וואס דיא חכמים האבען גיזאגט אז ווייבער האבען אגרינגע דעה מען קען זיי איבער רעדען . זיא האט גיזאגט אז מען וועט איהר ניט קענען איבער רעדין . האט רבי מאיר גיזאגט זיינעם אתלמיד אז ער זאל איבער רעדין די ברוריא זיא זאל מיט איהם מזנה זיין . עס האט אזוי לאנג גידויערט ביז זיא האט איינגעוויליגט צו מזנה זיין מיט דעם תלמיד . דער נאך האט זיא זיך דר מאוסט אז דאס האט רבי מאיר גיטאהן . פאר חרפה האט זיא זיך דער שטיקט . אונ רבי מאיר איז פאר חרפה אנטלאפען אין בבלו :

מג ת"ר ההולך לאיצטדינין ולכרקום וראה את הנחשים ואת החברים בוקיון מוקיון טוליגין לוליון סגלרין סגלרינון הרי זה מושב לצים ועליהם הכתוב אומר (תהלים א) ובמושב לצים לא ישב וסמיך ליה כי אם בתורת ה' חפצו הא למדת שהדברים הללו מביאים את האדם לידי ביטול תורה ורמינהו (הולכין) לאיצטדינין מותר מפני שצוח ומציל לכרקום מותר מפני ישוב מדינה ובלבד שלא יתחשב עמהם ואם נתחשב עמהם אסור קשיא איצטדינין אאיצטדינין וקשיא כרקום אכרקום בשלמא כרקום אכרקום לא קשיא כאן במתחשב עמהם כאן בשאין מתחשב עמהם אלא איצטדינין אאיצטדינין קשיא תנאי היא דתניא אין הולכין לאיצטדינין מפני מושב לצים ר' נתן מתיר מפני שני דברים אחד מפני שצוח ומציל ואחד מפני שמעיד עדות אשה להשיאה. ת"ר אין הולכין (לאיצטדיאות) [לטרטיאות] ולקרקסיאות מפני שמזבלין שם לע"ז דבר

לאיצטדינין. מקום שמנגחין את השור: ולכרקום. מצור ועושים שם שחוק וליצנות כ את הנחשים. מנחשים ומכשפים: ואת החברים. לוחשי לחשים: בוקיון מוקיון לוליין סגלרין סגל ימון. כלם מיני ליצנים הם: הא למדת. מדסמיך ליה כי אם בתורת ה' חפצו (ובתורתו יהגה יומם ולילה) מכלל דמאן דאזיל בהני לאו בתורת ה' חפצו: שצוח ומציל. אם רואה שיגיחו שם יהודי צועק ומתחנן להם ומצילו: מפני ישוב המדינה. ישראל הדרים באותה העיר שזה מבקש מפני ישוב כרקום להצילם: שלא יתחשב עמהם. נחשב ולעשות מצור עמהם: שמעיד עדות אשה, אם רואה הכרו ישראל נהרג שם מעיד לאשתו ומשיאה: שמזבלין שם. מסדרין לפני ע"ז להתנדב לה: מזבלין. לשון יזבלני אישי שמיפרש"י בלעז ענין תנה

מג תנו רבנן. דיא רבנן האָבען געלערנט דער מענטש וואָס גייט לאיצטדינין דאָס איז אַזוי אַאָרט וואָס מען לערנט דאָרטען אָקסען זייא זאָלין שטויסען. אָדער ער גייט לכרקום ואַגרויסער פעסטונג אַרום שטאָט אונ דאָרט מאַכט מען קונצען אונ גילעכטערס אונ ער זעהט דאָרטען שלאַנגען אונ מכשפים אונ בוקיון מוקיון טוליגין לוליון סגלרין סגלרינון דאָס איז אַלץ אַזעלכע גילעכטערס: דאָרטען איז אַזיצונג פון רשעים. אויף זיי זאָגט דער פסוק וואוהל צו דעם מענטש וואָס ער איז ניט געזעסען צווישען די רשעים וואָס פרייען זיך מיט אַזעלכע זאַכען. נאָר וואָס דען זאָל דער מענטש טאָהן. זיין בגערונג זאָל זיין די לערנונג פון גאָט. פון דאַנען זעהן מיר אַז די זאַכען ברייננען דעם מענטשען ער זאָל ניט לערנען תורה. פרעגט דיא גמרא מיר האָבען דאָך גילערנט צו איצטדינין מעג מען גיין טאָמער וועלען דיא אָקסען שטויסען איודען וועט דער יוד שרייען וועט ער הערין זיין קול אונ וועט איהם גיין מציל זיין. צוא דעם פעסטונג מעג ער אויך גיין דר וייל וועט ער בעטין ביי די מענטשין וואָס זיצען אין פעסטונג אַז עס וועט זיין אַמלחמה זאָלען זיי אַריין נעמען יודען אין דעם פעסטונג נאָר ער זאָל זיך ניט רעכענען מיט זיי. ער זאָל זיי ניט העלפין צו מאַכען דעם פעסטונג. אונ אויב ער העלפט זיי יאָ מאַכען דעם פעסטונג טאָר מען ניט. איז דאָך אַקשיא פאַר וואָס דאָ שטייט מען טאָר ניט גיין צו איצטדינין. אונ דאָ שטייט מען מעג גיין צו איצטדינין. דאָ שטייט מען טאָר ניט גיין צו כרקום אונ דאָ שטייט מען מעג גיין צו כרקום. ענפערט דיא גמרא פון כרקום אויף כרקום איז קיין קשיא ניט. אַז ער העלפט זייא צו מאַכען דעם כרקום טאָר מען ניט. אונ אַז ער העלפט זייא ניט מאַכען דעם כרקום מעג מען יאָ. אָבער פון איצטדינין אויף איצטדינין איז אַקשיא. ענפערט דיא גמרא אין דעם קריגען תנאים. וואָרום מיר האָבען גילערנט מען טאָר ניט גיין צו איצטדינין. וייל דאָס איז אַזיצונג פון רשעים. רבי נתן זאָגט מען מעג גיין צו איצטדינין. דורך צווייא זאַכען. איין זאַך אין טאָמער וועט אָקס שטויסען איוד וועט ער איהם מציל זיין. אונ טאָמער וועט ער איהם ניט קענען מציל זיין נאָר דער יוד וועט גיהרגת ווערין. וועט ער קענען עדות זאָגין צו זיין וייב אַז איהר מאַן איז געהרגת גיוואָרען וועט זיא מעגען נעמען איין אַנדער מאַן:

דיא רבנן האָבען גילערנט מען טאָר ניט גיין אין דיא טרטיאות אונ אין די קרקסיאות. וייל דאָרט נעמט מען נדבות צו דיא עבודה זרה. אַזוי זאָגט רבי מאיר. אונ די חכמים זאָגין אין דיא טעאַטערס ווא מען נעמט צו זאַמען נדבות פאַר די עבודה זרה טאָר אַיוד ניט גיין.

דברי ר"מ והכ"א מקום שמזבלין שם אסור משום חשד ע"ז מקום שאין מזבלין אסור מפני מושב לצים מאי בינייהו א"ר חנינא מסורא נשא ונתן איכא בינייהו:

מד דרש ר' שמעון בן פזי מ"ד (תהלים א) אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים וגו' וכי מאחר שלא הלך מהיכן עמד ומאחר שלא עמד מהיכן ישב ומאחר שלא ישב מהיכן לץ אלא לומר לך שאם הלך סופו לעמוד ואם עמד סופו לישב ואם ישב סופו ללוץ ואם לץ עליו הכתוב אומר (משלי ט) אם חכמת חכמת לך ולצת לבדך תשא, א"ר אלעזר כל המתלוצץ יסורין באין עליו שנאמר (ישעיה כח) ועתה אל תתלוצצו פן יחזקו מוסריכם. אמר להו רבא לרבנן במטותא מינייכו דלא תתלוצצו דלא לייתו יסורין עלייכו. אמר רב

של הנור והסיפה: מפני חשד ע"ז. שלא יחשדוהו בהחזקת זיבול לע"ז: מאי בינייהו. לר"מ נמי כולהו אסירי דהא לר"מ כולהו בהחזקת זיבול לע"ז נינהו: נשא ונתן. לר"מ נשא ונתן אסור דהא מפני שמזבלין סתמא קאמר וסבר דודאי מזבלין לע"ז שם ואיכא למיחש לדמי ע"ז בידו וקונין מישראל זה לצורך ע"ז ורבנן דמפרשי משום חשד ליצנות ולמידי אחריני לא חיישי נשא ונתן מותר דלא חיישינן לדמי ע"ז:

אם הלך סופו לעמוד. הלך משמע בהעברה בעלמא סופו לעמוד ולהתעכב ביניהם מעט והכי קאמר אשרי שלא הלך ומתוך שלא הלך לא עמד ומתוך שלא עמד לא ישב הא אם הלך סופו לעמוד וכו': אל תתלוצצו פן יחזקו מוסריכם כי כלה ונחרצה

ווארים מען וועט איהם חושד זיין אז ער האט אויך גיגעבין אנדבה צו דער עבודה זרה. אונ אין דיא טעאטערס ווא מען נעמט ניט צו זאמען נדבות פאר די עבודה זרה טאר מען אויך ניט גיין. ווייל דאס איז אזיצונג פון רשעים. פרעגט דיא גמרא וואס איז דער חילוק צווישען רבי מאיר אונ די רבנן. נאך רבי מאיר זענען אלע טעאטערס אסור. אונ נאך דיא רבנן זענען אויך אלע טעאטערס אסור. האט רבי חנינא פון סורא גיזאגט דער חילוק איז ווא דער יוד גייט אין טעאטער מיט סחורה ער זאל דארט זיין סחורה פאר קויפען. נאך רבי מאיר טאר מען ניט. ווייל ער האלט אז דאס גאנצע בשעפטיגונג אין דעם טעאטער איז נאר וועגין די עבודה זרה. אונ וואס מען וועט קויפען ביי איהם איז אויך נאר צוא דיא עבודה זרה. אונ רבי האלט זייא קויפען ניט צו דיא עבודה זרה אויך. דריבער מעג ער אהין גיין מיט סחורה צו פאר קויפען:

מד דרש. רבי שמעון בן פזי האט נידרשת עס שטייט אין פסוק וואוהל צוא דעם מענטש וואס ער איז ניט גיגאנגען אין דיא עצה פון דיא רשעים אונ אין דעם וועג פון די זינדיגע איז ער ניט גישטאנען. אונ אין דיא זיצונג פון זייערע פרייליכקייט איז ער ניט גיזעסען. איז דאך א קשיא אז ער איז ניט גיגאנגען צו דיא רשעים. איז ער דאך נעבין זיי ניט גישטאנען. אונ אז ער איז נעבין זייא ניט גישטאנען. איז ער דאך נעבין זיי ניט גיזעסען. אונ אז ער איז נעבין זייא ניט גיזעסען. הט ער דאך ניט געלאכט מיט זייא. דארף דאך נאר שטיין אין פסוק. ער איז ניט גיגאנגען צו דיא רשעים. וועל איך שוין אליין וויסען אז ער איז ניט גישטאנען מיט זייא אונ איז ניט גיזעסען מיט זייא אונ האט ניט גילאכט מיט זייא: נאר דער פסוק זאגט אונז אז ער איז נאר דורך גיגאנגען צווישען רשעים. וועט דער סוף זיין ער וועט שטיין אביסעל מיט זייא. אונ אז ער איז נאר גישטאנען מיט זייא. וועט דער סוף זיין ער וועט זיצען מיט זיי. אונ אז ער וועט זיצען מיט זייא. וועט דער סוף זיין ער וועט לאכען מיט זייא פון וואס זייא לאכען. אונ אז ער וועט לאכען מיט זייא זאגט אויף איהם דער פסוק אויב דוא וועסט זיין קלוג וועסטו זיין קלוג נאר פאר דיר אליין. אונ אויב דוא וועסט פאר ברייגגען דיין צייט מיט גילעכטערס וועסטו אליין ליידען דעם שטראף. רבי אלעזר זאגט דער וואס פאר ברייגגט זיין צייט מיט גילעכטערס קומט אויף איהם יסורים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איר זאלט ניט פאר ברייגגען אייער צייט מיט גילעכטערס ווארום טאמער וועט זיך שטארקען אייער שטראף. רבא האט גזאגט צו דיא רבנן איך בעט פון אייך איר זאלט ניט פאר ברייגגען אייער צייט מיט גילעכטערס. עס זאל אויף אייך ניט קומען יסורים. רב קטינא האט גזאגט דער וואס פאר ברייגגט זיין צייט מיט גילעכטערס וועט זיין פרנסה ווייניגער ווערין: אזוי ווי עס שטייט

רב קטינא כל המתלוצץ מזונותיו מתמעטין שנאמר (הושע ז) משך ידו את לוצצים אמר ר"ל כל המתלוצץ נופל בגיהנם שנאמר (משלי כא) זד יהיר לץ שמו עושה בעברת זדון ואין עברה אלא גיהנם דכתיב (צפניה א) יום עברה היום ההוא. א"ר אושעיא כל המתיהר נופל בגיהנם שנאמר זד יהיר לץ שמו עושה בעברת זדון ואין עברה אלא גיהנם דכתיב יום עברה היום ההוא וגו'. א"ר חנילאי (ס"א הנאוס) כל המתלוצץ גורם כליה לעולם שנאמר ועתה אל תתלוצצו פן יחזקו מוסריכם כי כלה ונחרצה א"ר אלעזר קשה היא שתחלתו יסורין וסופו כליה. דרש ר' שמעון בן פזי (מ"ד אשרי האיש אשר לא הלך וגו') אשרי מי שלא הלך לטרטיאות ולקרקסיאות ובדרך חטאים לא עמד זה שלא עמד בקניגיון ומושב לצים לא ישב שלא ישב בתחבולות שמא יאמר אדם הואיל ולא הלכתי לטרטיאות וקרקסיאות ולא עמדתי בקניגיון אלך ואתגרה בשינה ת"ל כי אם בתורת ה' חפצו ובתורתו יהגה יומם ולילה;

ממעטי: מוסריכם. יסוריכם: משך ידו: הקב"ה הפותח יד לזון את הכל מושכה מן הלוצצים: יום עברה היום ההוא. ביום הדין משתעי קרא שנידונין בו עכו"ם לגיהנם: לטרטיאות. פלטין וכל דבריהם כשהם נאספין לשחוק ולצון: קניגיון. צידת חיות ע"י כלבים וכל מעשיהם לשום שמחה

אין פסוק גאט ציהט אפ זיין האנט פון צו שפייזן דיא מענטשין וואס פאר ברייגגען זייער צייט מיט גילעכטערס. ריש לקיש האט גזאגט דער וואס פאר בריינגט זיין צייט מיט גילעכטערס פאלט ער אין גיהנם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער שלעכטער מענטש וואס איז גרוים ביי זיך: איז זיין נאמען לץ ווארום דער שטייגער איז דער מענטש וואס איז גרוים ביי זיך גייט ער זוכען פערגעניגונגם אין אזעלכע ערטער וואס מען מאכט דארט גילעכטערס דריבער הייסט ער לץ. דער לאכער]. אבער זיין שלעכטקייט וואס ער טוהט וועט גישטראפט ווערין מיט צאהרין. דער צאהרין מיינט מען דעם גיהנם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק. דער טאג איז אטאג פון צאהרין ווייל אין איהם וועלען געמשפט ווערין מענטשין אריין צוא פאלען אין גיהנם]. רבי אושעיא האט גזאגט דער וואס איז גרוים ביי זיך פאלט ער אין גיהנם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער שלעכטער מענטש וואס איז גרוים ביי זיך. אונ דער מענטש וואס זיין נאמען איז לץ ווייל ער גייט זעהן דיא גילעכטערס וואס מען מאכט]: פאר זיינע גרויסקייט אונ פאר זיינע גילעכטערס וואס ער טוהט וועט ער גישטראפט ווערין מיט צאהרין. צאהרין מיינט מען דעם גיהנם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק. דער טאג איז אטאג פון צאהרין ווייל אין איהם וועלען געמשפט ווערין מענטשין אריין צו פאלען אין גיהנם]. רבי חנילאי הט גזאגט דער וואס מאכט גילעכטערס ווער פאר שטעלט זיך מענטשין זאלען לאכען פון איהם]. ברייננט ער אפארלענדונג אויף דער וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איר זאלט ניט מאכען קיין גילעכטערס טאמער וועט זיך שטארקין אייער שטראף ווארום אפארלענדונג אונ אפארשניידונג וועט זיין. רבי אלעזר זאגט דיא גילעכטערס צו מאכען איז אשווערע עבירה. דער אנהייב פון דיא שטראף איז יסורים. אונ דער סוף איז אפארלענדונג. רבי שמעון בן פזי האט גידרשת דוד המלך האט גזאגט וואוהל צוא דעם מענטש וואס ער איז ניט גיגאנגען אין די עצה פון די רשעים. דאס מיינט מען וואוהל צו דעם מענטש וואס ער איז ניט גיגאנגען אין טעאטער אונ ניט אין אנדערע ערטער וואס מען שפילט דארט. אונ אין דעם וועג פון דיא זינדיגע איז ער ניט גישטאנען. דאס מיינט מען ער איז ניט גישטאנען ווען וואו מען פאנגט חיות אונ מען מאכט מיט זייא קונצען מענטשין זאלען לאכען. אונ אין דיא זיצונג פון דיא לצים איז ער ניט גיזעסן. דאס מיינט מען ער איז ניט גיזעסן צווישען דיא מענטשין וואס פאר שטעלען זיך מענטשין זאלען לאכען. טאמער וועט אמענטש זאגען ווייל איך גיי ניט אין טעאטער. אונ גיי ניט זעהן דיא חיות פאנגען. אונ זיץ ניט ביי דיא לצים; וועל איך גיין שלאפען. שטייט אין פסוק זיין בגערונג זאל זיין דיא תורה פון גאט אונ אין זיין תורה זאל ער ריידען טאג אונ נאכט:

מה א"ר שמואל בר נחמני א"ר יונתן מ"ד (תהלים א) אשרי האיש אשר לא הלך וגו' אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים זה (דף יט) אברהם שלא הלך בעצת אנשי דור הפלגה מפני שאנשי דור הפלגה רשעים היו שנאמר (בראשית יא) הבה נבנה לנו עיר ובדרך חטאים לא עמד שלא עמד במעמד אנשי סדום מפני שאנשי סדום חטאים היו שנאמר (בראשית יג) ואנשי סדום רעים וחטאים. ובמושב לצים לא ישב שלא ישב במושב אנשי פלשתים שאנשי פלשתים ליצנים היו שנאמר (שופטים יז) ויהי כטוב לבם ויאמרו קראו לשמשון וישחק וגו':

ושחוק ודוגמתו בשחיטת חולין גבי משה קניגי היה : אברהם אבינו בימי דור הפלגה היה בסוף ימי פלג נפלגה הארץ כדתניא בס"ע א"ר יוסי נביא גדול היה עבר שקרא שם בנו פלג שאם תאמר בתחלת ימיו הרי יקטן אחיו לצעיר ממנו והוליד משפחות קודם שנתפלגו שנאמר ויקטן ילד וגו' וא"כ ויהי כל הארץ שפה אחת וא"א באמצעותיו לא בא הכתוב לסתום אלא לפרש ונלמד שבשנת מות פלג נתפלגו ופלג ראה את אברהם כמה שנים דהא לקנ"א דפלג נולד אברהם והיה פלג אחר כך כמה שנים : במושב אנשי פלשתים : כשגר ביניהם דכתיב ויגר אברהם בארץ פלשתים :
כשהוא איש. כשהוא בחור בכחו כלומר ממהר להכיר בוראו קודם ימי הזקנה : כאיש. גבור : ולא בשכר מצותיו . שעובד את יוצרו מאהבת במו

(תהלים קיב) **מו אשרי** איש ירא את ה' אשרי איש ולא אשה א"ר עמרם אמר רב אשרי מי שעושה תשובה כשהוא איש ר' יהושע ב"ל אמר אשרי מי שמתגבר על יצרו כאיש במצותיו חפץ מאד א"ר אלעזר במצותיו ולא בשכר מצותיו כדתנן

מה אָמַר ; רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָנִי הָאט גֶזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹנָתָן וֶועגִין עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק ווָאוֹהל צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נִיט גִיגַאנְגֶען אִין דִיא עֵצָה פוּן דִי רְשָׁעִים . דָאס מֵיינְט מֶען אַבְרָהָם אָבִינוּ עֶר אִיז נִיט גִיגַאנְגֶען אִין דִיא עֵצָה פוּן דוֹר הַפְּלָגָה . וַוייל דִי מֶענְטְשִׁין פוּן דוֹר הַפְּלָגָה זֶענֶען גִיוֶוען רְשָׁעִים . אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק זַייא הָאבֶּען גְזָאגְט מִיר וֶועלֶען בָּאהֶען אַשְׁטָאט אוּנ אַטָארֶעם בִּיז צוּם הִימֶעל . אוּנ אִין דִיא וֶועג פוּן דִיא זִינְדִיגֶע אִיז עֶר נִיט גִישְׁטַאנֶען . דָאס מֵיינְט מֶען אַבְרָהָם אִיז נִיט גִישְׁטַאנֶען מִיט דִיא מֶענְטְשִׁין פוּן סְדוֹם ; וַוייל דִיא מֶענְטְשִׁין זֶענֶען גִיוֶוען זִינְדִיגֶע . אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִיא מֶענְטְשִׁין פוּן סְדוֹם זֶענֶען שְׁלֶעכְט אוּנ זִינְדִיג . אוּנ אִין דֶעם זִיצוּנְג פוּן דִי לֵצִים אִיז עֶר נִיט גִיזֶעסֶען . דָס מֵיינְט מֶען וֶוען אַבְרָהָם הָאט גִיווָאוֹהנְט אִין דֶעם לַאנְד . פְּלִשְׁתִּים אִיז עֶר קֵיין מָאהל נִיט גִיזֶעסֶען צוּזַאמֶען מִיט דִיא מֶענְטְשִׁין פוּן פְּלִשְׁתִּים . וָוארוּם דִיא מֶענְטְשִׁין פוּן פְּלִשְׁתִּים זֶענֶען גִיוֶוען לֵצִים זַייא הָאבֶּען לִיבּ גֶעהַאט צוּ מַאכֶען קוּנְצֶען מֶענְטְשִׁין זָאלֶען לַאכֶען . אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אוּנ עֶס אִיז גִיוֶוען אַז זֵייעֶר הַארְץ אִיז גוּט אוּנ פְרֵייַלאךְ גִיוֶוען הָאבֶּען זַייא גְזָאגְט מֶען זָאל רוּפֶען שִׁמְשׁוֹן וֶועט עֶר אוּנְז מַאכֶען גִילֶעכְטֶערְס וֶועהן מִיר אַז זַיי פְלֶעגִין זִיךְ בְּשֶׁעפְּטִיגֶען מִיט גִילֶעכְטֶערְס מַאכֶן ;

מו אַשְׁרֵי . אִין פָּסוּק שְׁטֵייט ווָאוֹהל דֶעם מַאן וָואס הָאט מוֹרָא פַאר גָאט . אִיז דֶען נָאר ווָאוֹהל דֶעם מַאן וָואס הָט מוֹרָא פַאר גָאט . אוּנ דִיא וַוייבּ וָואס הָאט מוֹרָא פַאר גָאט . אִיר אִיז דֶען נִיט ווָאוֹהל . הָאט רַב עַמְרָם גְזָאגְט פוּן רַבְּ֑ם וֶועגִין . מֶען מֵיינְט נִיט אַמַאן יָא אוּנ אַוַוייבּ נִיט . נָאר אַזוֹי מֵיינְט מֶען ווָאוֹהל צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר טוּהט תְּשׁוּבָה וֶוען עֶר אִיז נָאךְ אַמַאן . וֶוען עֶר אִיז נָאךְ יוּנְג אוּנ אִיז נָאךְ בַּיי זַיינֶע כּוֹחוֹת . אוּנ עֶר וַוארְט נִיט בִּיז אוֹיף דֶער עֶלְטֶער . רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי זָאגְט ווָאוֹהל צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף זַיין יֵצֶר הָרָע . אַזוֹי וִויא אַשְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ צוּ שְׁלָאגֶען זַיין פֵיינְט ווָאוֹהל צוּא דֶעם וָואס הָאט נִיט גִיטָאהן קֵיין עֲבֵירָה אוּנ דַארְף נִיט צוּא טָאהן תְּשׁוּבָה . עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִין זַיינֶע מִצְוֹת וִויל עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק ; רַבִּי אֶלְעָזָר הָאט גְזָאגְט דָאס מֵיינְט מֶען עֶר וִויל דִיא מִצְוֹת אוּנ עֶר וִויל נִיט דֶעם שְׂכַר פוּן דִיא מִצְוֹת . עֶר טוּהט אַלְץ וָואס גָאט הָט גִיבָּאטֶען וַוייל עֶר הָאט לִיבּ גָאט . אוּנ נִיט וַוייל גָאט גִיט אַבַּלָאהנוּנְג דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס טוּהט מִצְוֹת . אַזוֹי וִויא מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט אַנְטִיגְנוֹס אִישׁ סוֹכוֹ הָאט גְזָאגְט אִיר זָאלְט נִיט זַיין אַזוֹי וִויא קְנֶעכְט וָואס דִינֶען זֵייעֶר בַּעַל הַבַּיִת וַוייל דֶער בַּעַל הַבַּיִת וֶועט זַייא בַּצָאהלֶען פַאר זֵייעֶר

כדתנן הוא היה אומר אל תהיו כעבדים המשמשין את הרב על מנת לקבל פרס אלא הוו כעבדים המשמשין את הרב שלא על מנת לקבל פרס:

(שם א) **מז כי** אם בתורת ה' חפצו א"ר אין אדם לומד תורה אלא ממקום שלבו חפץ שנאמר כי אם בתורת ה' חפצו לוי ור"ש ברבי הוו יתבי קמיה דר' וקא פסקי סדרא שלים ספרא לוי אמר לייתו לן משלי ור"ש ברבי אמר לייתו לן תהלים כפייה ללוי ואייתו לתהלים כי מטו כי אם בתורת ה' חפצו פירש רבי ואמר אין אדם לומד תורה אלא ממקום שלבו חפץ (שנאמר כי אם בתורת ה' חפצו וגו') א"ל לוי לרבי נתת לי רשות לעמוד. א"ר אבדימי בר חמא בר חסא כל העוסק בתורה הקב"ה עושה לו חפציו שנאמר כי אם בתורת ה' חפצו, אמר רבא לעולם ילמוד אדם תורה במקום שלבו חפץ שנאמר כי אם בתורת ה' חפצו ואמר רבא בתחלה נקראת התורה

ומאהבת מצותיו לא לשום קבול שכר: ע"מ שלא לקבל פרס. יהא לבך עמו לומר אפילו אין סופי לקבל שכר אוהב אני את בוראי וחפץ במצותיו: ממקום שלבו חפץ. לא ישנה לו רבו אלא מסכת שהוא מבקש ממנו שאם ישנה לו מסכת אחרת אינה מתקיימת לפי שלבו אחר תאותו: חפצו. בתורה שאדם חפץ מדלא כתיב חפץ: פסקי סדרי. פרשיות של מקרא: שלים ספרא. סיימו את אחד מהספרים: תהלים. ספר תהלים: עושה לו חפציו. הכי אמר קרא כי אם בתורת ה' עושה חפצו: נקראת על שמו. של אותו תלמיד שטרח בה דכתיב ובתורתו דמשמע של כל אדם:

ארבעט וויא ליידען פריער מיט דעם בעל הבית אונ בדינגען זיך מיט איהם וויא פיל געלט ער וועט זייא געבין. אונ נאך דעם רעכענונג פון דיא געלט טוהען זייא זייער ארבעט. אויב מען גיט זייא פיל געלט ארבעטען זיי פיל. אונ אויב מען גיט זייא ווייניג געלט ארבעטען זייא ווייניג) . איר זאלט ניט אזוי דינען גאט. נאר איר זאלט זיין אזוי וויא קנעכט וואס דינען זייער בעל הבית אונ האבען מיט איהם ניט גירעט פון געלט בצאהלען: זייא דינען איהם נאר מיט זייערע אלע כוחות ווייל זייא האבען איהם ליב. אפילו זייא ווייסען אז ער וועט זייא גאר ניט געבין פאר דיא ארבעט. אונ דער נאך אז ער גיט זייא געלט. איז דאס בייא זייא נאר וויא אמתנה. אונ ניט פאר דיא ארבעט. אונ אז דאס איז אמתנה. רעכענען זיך בייידע ניט. דער בעל הבית גיט נאך זיין רייכקייט נאך. אונ דער קנעכט דינגט זיך ניט. אזוי זאל דער מענטש דינען גאט. וועט אים גאט אזו בצאהלען:

מז כי. נאר אין די לערנונג פון גאט זאל זיין זיין בגערונג. רבי זאגט אמענטש זאל נאר לערנען די תורה וואס זיין הארץ גלוסט. דער מענטש וואס איהם גלוסט צו לערנען גמרא זאל ער לערנען גמרא. וועמען עס גלוסט צו לערנען מדרש. זאל ער לערנען מדרש. אונ אזוי אלע לערנונגען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אין דיא לערנונג פון גאט זאל זיין זיין בגערונג. ווען ער לערנט תורה זאל ער זיא לערנען מיט זיין גלוסטונג פון הארץ. לוי אונ רבי שמעון דער זוהן פון רבי זענען גיזעסען פר רבי. אונ האבען גילערנט תנ"ך: האבען זיי אפ גילערנט אספר. אונ זיי האבען גיוואלט אן הייבין לערנען איין אנדער ספר. לוי האט גיזאגט מען זאל לערנען משלי רבי שמעון האט גיזאגט מען זאל לערנען תהלים. האט רבי שמעון גיגייט לוין אונ מען האט אן גיהויבען לערנען תהלים. ווא זיי זענען גיקומען צו דעם פסוק כי אם בתורת יי חפצו. האט רבי גיזאגט דער פסוק זאגט אונז אז אמענטש זאל נאר לערנען דיא תורה, וואס זיין הארץ גלוסט: האט לוי גיזאגט צו רבי אויב אזוי מעג איך דאך אוועק גיין פון דאנען. ווארום איך וויל היינט ניט לערנען תהלים. נאר משלי. רבי אבדימי בר חמא בר חסא האט גיזאגט דער וואס לערנט תורה, וועט גאט טאהן פון זיינעטוועגין אלץ וואס ער בגערט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק כי אם בתורת יי חפצו. אז ער לערנט דיא תורה פון גאט. וועט גאט טאהן זיין בגערונג. רבא זאגט אייביג זאל אמענטש לערנען וועלכע תורה ער וויל. וואס זיין הארץ גלוסט זאל ער לערנען: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אין דיא לערנונג פון גאט זאל זיין זיין בגערונג. רבא זאגט פריער איידער דער מענטש לערנט דיא תורה. ווערט דיא תורה גערופען אויף דעם נאמען פון גאט. דער נאך אז ער האט שוין גילערנט דיא תורה. ווערט

התורה על שמו של הקב"ה ולבסוף נקראת על שמו שנאמר כי אם בתורת ה' חפצו ובתורתו וגו':

מה ואמר רבא לעולם ילמוד אדם תורה ואח"כ יהגה שנאמר בתורת ה' והדר ובתורתו יהגה ואמר רבא לעולם ליגרס אינש ואע"ג דמשכח ואע"ג דלא ידע מאי קאמר שנאמר (תהלים קיט) גרסה נפשי לתאבה גרסה כתיב ולא כתיב טחנה. רבא רמי כתיב (משלי ט) על גפי וכתיב (שם) על כסא בתחלה על גפי ולבסוף על כסא. (רבא רמי) כתיב (שם ח) בראש מרומים וכתיב עלי דרך בתחלה בראש מרומים ולבסוף עלי דרך. עולא רמי כתיב (שם ה) שתה מים מבורך וכתיב (שם) ונוזלים מתוך בארך בתחלה שתה מבורך ולבסוף

ילמד אדם. מרבו תורה עד שיהא גרסת התלמוד ופירושו שגורה לו בפיו: ואח"כ יהגה. יעיין בתלמודו לדמות מלתא למלתא ולהקשות ולתרץ ובראשונה לא יעסוק כן שמא יבטל והרב לא ימצא לו בכל שעה ועוד דאמר ששונה הרבה הוא מתיישב בתלמודו ומתרץ לעצמו דבר הקשה והכי אמרינן בפרק הרואה הסכת הס ואח"כ כתת ומייתינן נמי דרבא הכא: דלא ידע מאי קאמר. שאין רבו יודע לפרש לו כלום: גרסה. לשון גרש וכרמל שלא היה טוחן דק אלא כריתים של גרוסות שמחלקים את החטה לשנים או לארבע לצורך מאכל: גרסה נפשי לתאבה. מרוב תאותי לתורה הייתי סובר לפי יכולתי אע"פ שאינה טוחנה דק ליכנס בעומקה: כתיב על גפי. בתורה משתעי שלחה נערותיה תקרא תלמידים העוסקים בה על גפי משמע כעל כנפים מושב שאינו קבוע וכתיב קרא אחרינא על (מרומי קרת) [כסא] מקום כבוד קבוע כמו רק הכסא אגדל ממך. ל"א מתחלה על גפי יחידי בלא תלמידים כמו אם בגפו יבא בגפו יצא: בראש מרומים. מסתלק במתבואות: ולבסוף עלי דרך. ומורה הוראות לעין כל: בורך. מים המכונסין וסופן כלים: בארך. מים חיים ואין פוסקין

דיא תורה גערופען אויף דעם נאמען פון דעם וואס לערונט זיא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אין דיא תורה פון גאט איז זיין בגערונג. ווען ער בגערט נאר צום לערנען. אבער ער האט נאך ניט גילערונט. איז זיא די תורה פון גאט). אונ אין זיין תורה לערונט ער טאג אונ נאכט אונ ווען ער לערונט שוין טאג אונ נאכט. הייסט זי זיין תורה:

מה אמר. רבא האט גיזאגט פריער זאל אמענטש לערנען תורה נאר צו וויסען דעם פשט. ער זאל זיין קלאר אין תנ"ך אונ אין ש"ס נאר דעם פשט. דער נאך זאל ער קלערין קשיות מיט תירוצים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בתורת ה' (פריער לערונט ער דיא תורה פון גאט. ווארום ער האט נאך זיינע קשיות מיט זיינע תירוצים גאר ניט גילערונט). דער נאך ובתורתו יהגה. (לערונט ער זיינע תורה. זיינע קשיות מיט זיינע תירוצים): נאך האט רבא גזאגט אייביג זאל אמענטש לערנען. אפילו ער פאר געסט. אונ אפילו ער ווייס ניט וואס ער זאגט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גרסה נפשי לתאבה. עס שטייט גרסה (צוא בראכען אויף צוויי דריי שטיקלאך) אונ עס שטייט ניט טחנה (עס איז דין צוא מאהלין) דוד המלך עליו השלום האט גיזאגט אזוי וויא איינער וואס ער איז שטארק הונגעריג אונ ער האט קערנער ווייץ קוקט ער ניט ער זאל דיא קערנער גוט צוא מאהלען. נאר אז דער קערינדיל ווערט צו בראכען אויף צוויי דריי שטיקלאך מאכט ער שוין פון דיא גראבע מעהל ברויט צום עסין. אזוי וויל איך בין שטארק הונגעריג צום לערנען תורה. קוק איך ניט צוא פרעגין קשיות אונ ענפערין תירוצים. איך לערין נאר דעם פשט פון דיא תורה. ווי פיל איך וויים. מער אדער ווייניגער. רבא האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט ביי די תורה על גפי. זיא זיצט אזוי וויא מען זיצט אויף פליגול. ניט קיין פעסטע זיצונג. אונ אין אנדערין פסוק שטייט על כסא. דיא תורה זיצט פעסט אזוי וויא מען זיצט אויף אשטוהל. נאר אין אנהייב ווען מען הייבט אן צו לערנען תורה. זיצט נאך ניט דיא תורה פעסט אין דעם מענטשין: אבער דער נאך אז ער האט שוין פיל גילערונט. זיצט שוין דיא תורה פעסט ביא דעם מענטשין אין הארץ. נאך האט רבא גיפרעגט אין איין פסוק שטייט דיא תורה איז אויף דיא שפיץ הייך (עס איז שווער צו קומען צו דיא תורה אזוי וויא עס איז שווער צו קומען צו אזאך וואס ליגט אויף אהויכען ארט). אונ אין אנדערין פסוק שטייט דיא תורה איז אויף דעם וועג (עס איז גרינג צו קומען צו דיא תורה אזוי וויא עס איז גרינג צו נעמען אזאך וואס ליגט אין מיטען וועג). נאר אין אנהייב ווען מען הייבט אן צו לערנען איז דיא תורה שווער. דער נאך אז מען לערונט שוין איז שוין גרינג צו לערנען. עולא האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט טרינק וואסער פון דיין גרוב אונ אין אנדערין פסוק שטייט טרינק פליסענדע וואסער פון דיין

ולבסוף ונוזלים מתוך בארך. אמר רבא א"ר סחורה א"ר הונא מ"ד (ָםס יג) הון מהבל ימעט וקובץ על יד ירבה אם עושה אדם תורתו חבילות חבילות מתמעט ואם קובץ על יד ירבה, אמר רבא ידעי רבנן להאי מלתא ועברי עלה א"ר נחמן בר יצחק אנא עבידתה ואיקיימה בידי. א"ר שיזבי משום ר"א בן עזריה מ"ד (םס יב) לא יחרוך רמיה צידו צייד הרמאי לא יחיה ולא יאריך ימים ורב ששת אמר צייד הרמאי יחרוך

חבילות. הגורס הרבה יחד ואינו יכול לחזר עליו פעמים רבות ומשכח: על יד. מעט: (אנא עבידתה. עבידיה קבלתיה על יד): יחריך. מטריקין יחיה ויאריך: צייד הרמאי. המרמה אנשים להראות כמה אני חכם לפעמים גרסות הרבה וזה א' מתחכם ומקלל היין דכתיב כי הוא חייך ואורך ימיך: ורב ששת אמר צייד הרמאי הוא יחרוך: לשון אחרוכי כלומר יש לו עופות לחרוך ולאכול כך מי שלומד וגורס מעט מעט ומחזר עליו פעמים הרבה עד שיתגלגל בפיו ואח"כ

ברוגען. אין אנהייב ווען מען הייבט אן צו לערנען תורה לערונט מען נאר דיא תורה וואס דער רבי האט מיט איהם גילערונט. אבער עס פליסט ניט אייגענע חכמה פון זייא גיבאנקן. איז דער מענטש אזוי וויא אגרוב וואס מען טרינקט פון איר דיא זעלביגע וואסער וואס מען האט אריין גיגאסען: אבער דער נאך אז דער מענטש האט שוין פיל גילערונט: פליסט שוין זיין מוח אייגענע חכמה. אונ ער איז אזוי וויא צברונען וואס איז אידם פליסט אלע מינוט פרישע וואסער פון זיין אייגענעם קוואל: רבא האט גזאגט רב סחורה האט גזאגט פון רב הונאס וועגין עס שטייט אין פסוק הון מהבל ימעט וקובץ על יד ירבה. דער הי פון ווארט הבל איז פאר טאהשט אויף את. איז גלייך וויא עס וואלט גישטאנען הבל: אבינטול. אונ אזוי מיינט דער פסוק אויב אמענטש מאכט פון זיין תורה בינטלאך. ער לערונט פיל אונ חזרט ניט. וועט פון איהם דיא תורה ווייניגער ווערין. ער וועט פאר געסן וואס ער האט גילערונט. אבער אז ער זאמולט ביקלאך וויז. ער לערונט אביסול אונ חזרט גוט איין. דער נאך לערונט ער נאך אביסול אונ חזרט גוט איין. זיין תורה וועט גימערט ווערין. רבא זאגט דיא רבנן ווייסען פון דער זאך אונ טוהען דאס ניט. רב נחמן בר יצחק זאגט איך האב יא אזוי גיטאהן איך האב גיזאמולט דיא תורה ביסלאכווייז איז טאקי דיא תורה בייא מיר געבליבען. רבי שיזבי האט גזאגט פון רבי אלעזר בן עזריהם וועגין עס שטייט אין פסוק לא יחרוך רמיה צידו: יחרוך איז צוויי ווערטער יחיה יאריך. אונ אזוי זאגט דער פסוק דער פאלשער פאנגער. דאס מיינט מען דער פאלשער לערנער. וואס לערונט אונ פאר געסט ווייל ער חזרט ניט. וועט ער נישט לאנג לעבין. ווארום דאס גאנצע לעבין פון איודען איז דאך נאר דיא תורה. אונ אז ער האט דיא תורה פאר געסין וועט ער ניט לעבין. אונ רב ששת זאגט אזוי מיינט דער פסוק לא יחרוך רמיה צידו. דער קלוגער פאנגער וועט דען ניט בראטען אונ עסין וואס ער האט גיפאנגען. געוויס וועט ער בראטען אונ עסין. ווייל ער טוהט קלוג יעדער פייגעלע וואס ער פאנגט פאר בינט ער באלד אירע פליגעל זיא זאל ניט קענען אוועק פליהען. אונ ער איילט זיך ניט צו גיין פאנגען דיא צווייטע פייגעלע. ביז ער איז זיכער אז די ערשטע וועט שוין בייא איהם בלייבען. אבער דער נארעשער פאנגער באלד וויא ער פאנגט איין פייגעלע לייגט ער זיא אוועק אונ פאר בינט ניט אירע פליגעל. ווייל ער איילט זיך געשווינט צו פאנגען די אנדערע. דער ווייל פליהט אוועק דיא ערשטע. אונ איידער ער פאנגט די דריטע פליהט אוועק דיא צווייטע. אונ אזוי פליהען אלע אוועק: דער ווייל האט ער גאר נישט. ביי תורה לערנען איז אויך אזוי. דער וואס לערונט אביסול תורה. אונ איילט זיך ניט צו לערנען ווייטער. נאר פריער חזרט ער גוט איין דיא ערשטע ביסיל. אונ אז ער ווייס שוין גוט די ערשטע ביסול. לערונט ער ווייטער אביסול אונ חזרט איין: אונ אזוי טוהט ער אלע מאהל. ביי דעם מענטש וועט דיא תורה בלייבען. אבער דער וואס חזרט ניט. ער איילט זיך נאר צוא לערנען ווייטער. איידער ער לערונט ווייטער פאר געסט ער דיא פריערדיגע. אונ אזוי פאר געסט ער אלע מאהל. ביז ער גידיינקט גאר ניט. אז רב דימי איז גיקומען האט ער גזאגט אמשל

יהרוך כי אתא רב דימי אמר משל לצייד שצד צפרים אם משבר כנפיה של ראשונה כולם מתקיימות בידו ואם לאו אינם מתקיימות בידו :

(תהלים א) **מט והיה** כעץ שתול על פלגי מים אמרי דבי ר' ינאי כעץ שתול ולא כעץ נטוע כל הלומד תורה מרב אחד אינו רואה סימן ברכה לעולם . אמר להו רב חסדא לרבנן בעינא דאימא לכו מלתא ואנא מסתפינא דשבקיתו לי ואזליתו כל הלומד תורה מרב אחד אינו רואה סימן ברכה לעולם שבקוה ואזלו קמי' דרבה אמר להו הני מילי בסברא אבל בגמרא כחד רבה מעלי כי היכי (שם ע"ג) דלא לפלוג לישני . על פלגי מים א"ר תנחום בר הנילאי

מוחר ולומד הלמודו מתקיים וקלא מתמה וכי לא יהרוך מי שלידו ברמיה : : כנפיה . שלא תברח : שתול ו שמע עקור מכאן והוזר ונשתל במקום אחר : נטוע . מעיקרא ולא זז משם נעולם כלומר כעץ שתול יעשה תלמיד את עצמו לילך וללמוד מכל אדם ולא כעץ נטוע להשתקע לפני רב אחד : ברכה. ללמוד חריפות והדוד הלב לאחר שלמד ושגורה בפיו גרסת התלמוד : דלא ליפלוג לישני . דלא יתחלקו הלשונות דהאי גרים שמעתא בהאי

אפאנגער וואס פאנגט פייגעלאך אויב ער ברעכט אפ די פליגעל פון די ערשטע פייגעלע זיא זאל ניט קענען אוועק פליהען . אונ ער לאזט זיא ליגען אויף די ערד . אז ער פאנגט נאך פייגעלאך אונ ער לייגט זייא נעבין די ערשטע . אפילו זייערע פליגעל זענען נישט אפ גיהאקט . דורך די ערשטע פייגעלע ווערין אלע בלייבען ליגען אונ ווערין ניט אוועק פליהען . אבער אז ער האט ניט אפ גיהאקט די פליגעל פון די פייגעלאך . אפילו פון די ערשטע פייגעלע אויך ניט . ווערין אלע אוועק פליהען אונ ער וועט גאר ניט האבין . ביי תורה לערנען איז אויך אזוי . אז דער מענטש הערט גוט איין די ערשטע תורה וואס ער לערנט אין דער יוגענד בלייבט ביי איהם אלע תורות וואס ער לערנט די נאכסטע צייט וואס ער לעבט . אבער אז די ערשטע תורה וואס ער האט גילערנט אין דער יוגענד האט ער ניט גוט איין גיהערט . ווערין שוין אלע תורות וואס ער וועט לערנען ניט בלייבין ביי אים :

מט והיה כעץ שתול על פלגי מים . דבי רבי ינאי זאגין ער וועט זיין כעץ שתול : אונ ניט וויא אעץ נטוע . שתול איז דער טייטש גיפלאנצט . אונ נטוע איז דער טייטש גיפלאנצט . נאר שתול מיינט מען אבוים וואס איז גיוועזן איין גיפלאנצט אויף איין אנדער ארט אונ מען האט איהם פון דארט ארויס גינומען אונ איין גיפלאנצט אויף דעם ארט . דאס אנדערע פלאנצונג הייסט שתול . אונ נטוע הייסט אז ער איז גיפלאנצט אויף דעם ארט פון אייביג : מען האט איהם נאך פון דעם ארט ניט גערירט . ביי תורה לערנען איז אויך אזוי . דער וואס לערנט ביי איין רבי פון אנהייב אן . הייסט ער נטוע . אונ דער וואס איז אוועק גיגאנגען פון דעם ערשטען רבי צו איין אנדער רבי . הייסט ער שתול . זאגט דער פסוק דער וואס לערנט תורה זאל ער זיין אזוי וויא אבוים שתול על פלגי מים . וואס ער איז ארויס גינומען גיווארען פון זיין ארט אונ איין גיפלאנצט גיווארען אויף איין אנדער ארט ביי אקוואל וואסער . דאס מיינט מען ער זאל לערנען אלע מאהל ביי איין אנדער רבי . ווארום דער וואס לערנט תורה אלע מאהל ביי איין רבי זעהט ער ניט קיין ברכה אין זיין לערנען . רב חסדא האט גיזאגט צו זיינע תלמידים איך וויל אייך זאגען אזאך נאר איך האב מורא איהר וועט מיך אוועק לאזען אונ איהר וועט אוועק גיין פון מיר . דער וואס לערנט תורה פון איין רבי זעהט ער ניט קיין ברכה אין זיין לערנען . האבען די תלמידים איהם אוועק גילאזען אינ זייא זענען גיגאנגען לערנען ביי רבה , האט רבה גיזאגט צו די תלמידים פון רב חסדא אז מען וויל שארפען דעם שכל . דארף מען טאקי גיין אלע מאהל צו איין אנדער רבי . אבער אז מען דארף לערנען גמרא איז בעסער צו לערנען פון איין רבי . די שפראכע זאל ניט זיין צו מישט אונ אפ גיטיילט איינעמס פון דעם אנדערענס . בידע רבים זאגען טאקי דעם זעלביגען פשט אין דער גמרא . נאר דער רבי זאגט מיט אזעלכע ווערטער אונ דער רבי זאגט מיט אנדערע ווערטער . ווערין די תלמידים פאר מישט אונ ווייסען ניט וויא צו לערנען . דריבער דארפט איהר גיין צוריק צו אייער רבי רב חסדא .

חנילאי לעולם ישלש אדם שנותיו שליש במקרא ושליש במשנה ושליש בתלמוד ומי ידע כמה היי כי קאמרינן ביומי. אשר פריו יתן בעתו אמר רבא אם פריו יתן בעתו ועלהו לא יבול ואם לאו על הלומד ועל המלמד עליהם הכתוב אומר לא כן הרשעים וגו': נ א"ר אבא אמר רב הונא אמר רב מ"ד (משלי ז) כי רבים חללים הפילה ועצומים כל הרוגיה כי רבים חללים הפילה זה תלמיד שלא הגיע להוראה ומורה ועצומים כל הרוגיה זה תלמיד שהגיע להוראה ואינו מורה ועד כמה א"ר זירא עד ארבעין שנין והא רבא אורי התם בשוין. ועלהו לא יבול אמר רב אחא בר אדא אמר רב ואמרי לה א"ר אחא בר אבא אמר

רב

ליטנא והאי גריס לה בלישנא אחרינא והדא מילתא היא ומיהו הנא דא דגריס מתרווייהו משתבש בגרסיה משום דמבלבלי ליטני: ביומי. שני ימים מקרא ושני ימים משנה וכו' וכן כל שבוע ושבוע: אם פריו יתן בעתו. שיקבע עתים לתורה: רשעים. הרי משמע לומד ומלמדו. נ"א פריו יתן בעתו שלמד ועושה פרי כלומר מקיים מה שכתוב בתורה וזהו עיקר: על הלומד ועל המלמד. שהכור ללמוד תורה לתלמיד שאינו הגון: הפילה. לשון נפל שלא מלאו ימיו כלומר תלמיד שלא מלאו ימיו רבים חלליו: עצומים. המתעלמים ומסריסים ומתאפקים מלהורות סורגים את דורן: ועצומים. לשון ועוצם עיניו: ועד כמה. הוי ראוי להוראה: עד ארבעים שנה. משנולד: והא רבא אורי. וכל ימיו לא היו אלא ארבעים שנה בפ"ק דר"ה: התם בשוין. שאין בעירו גדול ממנו: ביתא

עס שטייט אין פסוק על פלגי מים. רבי תנחום בר חנילאי זאגט א מענטש זאל צו טיילען זיינע יאהרין אין דרייא טייל. א דריטעל יאהרין זאל ער לערנען תורה נביאים כתובים. דיא אנדערע דריטעל יאהרין זאל ער לערנען משניות. דיא לעצטע דריטעל זאל ער לערנען גמרא (רבי תנחום טייטשט פלגי מים גלייך וויא עס וואלט געשטאנען פלגי ימים. ער זאל צו טיילען דיא טעג). פרעגט דיא גמרא ווייס דען א מענטש וויא לאנג ער וועט לעבין. פון וואנען ווייס ער ווי פיל יאהר איז דא אין א דריטעל פון זיין לעבין. נאר מען מיינט ער זאל צו טיילען דיא טעג פון דער וואך צוויא טעג פון וואך זאל ער לערנען תורה נביאים כתובים. צווייא טעג זאל ער לערנען משניות. צווייא טעג זאל ער לערנען גמרא (תוספות זאגט מען מיינט יעדער טאג זאל ער זעהן לערנען תנ"ך משניות גמרא). עס שטייט אין פסוק זיין פרוכט וועט ער געבין אין זיין צייט. רבא זאגט אויב ער גיט דעם פרוכט פון דעם לערנען אין זיין צייט. דאס מיינט מען דער מענטש וואס לערנט תורה אונ איז מקיים יעדער מצוה פון דער תורה אין זיין צייט. וועט ער האבין הצלח"ה אז אפילו א בלאט וועט ניט פארפוילט ווערין. ער וועט אפילו א קלייניגעם שאדין אויך ניט האבען). אונ אויב ער האט גילערנט תורה אונ איז ניט מקיים דיא מצות אויף דעם לערנער אונ אויף זיין רבי זאגט דער פסוק ניט אזוי וועט זיין מיט דיא רשעים. ווערין זייא ביידע גירופען רשעים. ווארום אז דער רבי האט גיזעהן דער תלמיד איז ניט פרום האט ער ניט גידארפט לערנען מיט איהם תורה:

נ אמר. רבי אבא זאגט רב הונא האט גזאגט פון רבס וועגין עס שטייט אין פסוק כי רבים חללים הפילה ועצומים כל הרוגיה. כי רבים חללים הפילה. פיל דער שלאגענע האט זיא גימאכט פאלין. דאס מיינט מען דער תלמיד וואס איז נאך יונג. עס איז נאך ניט צייט ער זאל פסקנען שאלות. אונ ער פסקנת יא. ער דער שלאגט פיל מענטשין ווער מאכט זינדיגען פיל מענטשין). ווארום דורך איהם עסין זייא פיל טריפות אדער זייא טוהען אנדערע עבירות. ועצומים כל הרוגיה. אונ עס זענין שטארק אירע אלע גיהרגעטע: דאס מיינט מען דער תלמיד וואס ער מעג שוין פסקנען שאלות אונ ער וויל ניט פסקנען. הרגת ער פיל מענטשין. ווייל דיא מענטשין האבין ניט ווער עס זאל זיי פסקנען מאכען זייא אליין טריף האבין זייא שאדין געלט. אונ מענטשין שיידין זיך אפ פון זייערע ווייבער דורך א שאלה וואס זייא ווייסין ניט צו פסקנען. דער ווייל ווערין גיבארין ווייניגער קינדער איז גלייך וויא ער וואלט דיא קינדער גיהרגת. וויא אלט זאל דער מענטש זיין ער זאל מעגין פסקנען א שאלה. זאגט רבי זירא פערציג יאהר. פרעגט דיא גמרא רבא האט דאך גיפסקנת שאלות פאר פערציג יאהר. ענטפערט דיא גמרא ווייל דער מורה הוראה פון זיין שטאט האט ניט גיקענט בעסער לערנען פאר רבא. רבא איז גיוועזען מיט

רב המנונא אמר רב מנין שאפילו שיחת חולין של ת"ח צריכה תלמוד שנאמר (תהלים א) ועלהו לא יבול ·

נא אמר ריב"ל דבר זה כתוב בתורה ושנוי בנביאים ומשולש בכתובים כל העוסק בתורה נכסיו מצליחין לו . כתוב בתורה דכתיב (דברים כט) ושמרתם את דברי הברית הזאת ועשיתם אותם למען תשכילו את כל אשר תעשון . שנוי בנביאים דכתיב (יהושע א) לא ימוש ספר התורה הזה מפיך והגית בו יומם ולילה למען תשמור לעשות ככל הכתוב בו כי אז תצליח את דרכך ואז תשכיל . ומשולש בכתובים דכתיב (תהלים א) כי אם בתורת ה' חפצו ובתורתו יהגה יומם ולילה והיה כעץ שתול על פלגי מים אשר פריו יתן בעתו ועלהו לא יבול וכל אשר יעשה יצליח . מכריז רבי אלכסנדראי מאן בעי חיי מאן בעי חיי כניפו ליה כולי עלמא ואתו לגביה אמרו ליה הב לן חיי אמר להו (שם לד) מי האיש החפץ חיים וגו' נצור לשונך מרע וגו' שמא יאמר אדם הואיל ונצרתי את לשוני מרע ושפתי מדבר מרמה אלך ואתגרה בשינה ת"ל (שם) סור מרע ועשה טוב ואין טוב אלא תורה שנאמר (משלי ד) כי לקח טוב נתתי לכם תורתי אל תעזובו (דף כ) (דברים ז) לא תחנם לא תתן להם חן מסייע ליה לרב דאמר רב יהודה אמר רב אסור לו לאדם שיאמר כמה נאה עכו"ם

חולין של חכמים צריכה תלמוד כדי להתלמד לדבר בלשונם שהוא לשון נקיה ועושר ומרפא : ועלהו . אף דבר הל שבאילן וכתיב לא יבול כלומר לא יצך לאבוד :

איהם גלייך א לערנען. דריבער האט רבא גימעגט פסקנן אפילו פאר פערציג יאהר . עס שטייט אין פסוק זיינע בלעטער וועט ניט פאר פוילט ווערין . וואס מיינט מען דיא בלעטער · רב אחא בר אדא האט גזאגט פון רבם וועגין · אנדערע זאגין רב אחא בר אבא האט גזאגט אז רב המנונא האט גזאגט פון רבם וועגין פון וואגען ווייסין מיר אז אפילו דיא פראסטע רייד פון אתלמיד חכם דארף מען אויך לערנען . ווארום עס שטייט אין פסוק זיינע בלעטער וועלין ניט פאר פוילט ווערין :

נא אמר . רבי יהושע בן לוי האט גזאגט דיא זאך שטייט געשריבען אין דער תורה . אונ נאך אמאהל אין נביאים אונ אדריטען מאהל אין כתובים דער וואס לערנט תורה וועלין זיינע געשעפטין זיין גליקליך . אין דער תורה שטייט איר זאלט היטען דיא רייד פון דעם פאר בינדונג וואס איך האב מיט אייך גימאכט אונ איר זאלט זייא טאהן . וועט איר בגליקען אלץ וואס איר וועט טאהן . אין נביאים שטייט דיא רייד פון דער ספר תורה זאל זיך ניט אפ טאהן פון דיין מויל . אונ דוא זאלסט טראכטין אין איהם טאג אונ נאכט . דוא זאלסט היטען צוא טאהן אלץ וואס אין דער תורה שטייט . וועסטו בגליקען דיינע וועגין אונ דוא וועסט קלוג ווערין . אין כתובים שטייט אויב זיין בגערונג וועט זיין דיא תורה פון גאט . אונ אין זיין תורה וועט ער טראכטין טאג אונ נאכט . וועט ער זיין אזוי וויא אבוים וואס איז גיפלאנצט בייא קוואלין וואסער וואס זיין פרוכט וועט ער געבין אין זיין צייט אונ זיינע בלעטער וועלין ניט קאליע ווערין אונ אלץ וואס ער וועט טאהן וועט ער בגליקען . רבי אלכסנדראי האט אוים גירופען ווער וויל לעבין ווער וויל לעבין האבין זיך אלע פאר זאמולט אונ זענען גיקומען צוא איהם אונ האבין גזאגט צוא איהם גיב אונז לעבין . האט ער גזאגט צוא זייא דעם פסוק ווער איז דער מענטש וואס וויל לעבין היט דיין צונג פון שלעכץ אונ דיינע לעפצין היט פון צוא ריידען פאלשקייט . טאמער וועט אמענטש זאגין אז איך האב געהיט מיין צונג פון שלעכץ אונ מיינע לעפצין האב איך געהיט פון צו ריידין פאלשקייט . מער דארף איך גאר ניט טאהן מעג איך שלאפין ווען איך האב צייט פון מיין ארבעט . שטייט אין פסוק דוא זאלסט אפ קערין פון שלעכץ אונ זאלסט טאהן גוטס . גוטס מיינט מען תורה . דוא זאלסט לערנען תורה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אגוטע לערנונג האב איך אייך גיגעבין מיין תורה זאלט איר ניט פאר לאזין :

עס שטייט אין פסוק לא תחנם . דוא זאלסט ניט געבין חן אויף דיא גוים . דאס איז

עכו"ם זה . מיתיבי מעשה ברבן שמעון בן גמליאל שהיה עומד על גב מעלה בהר הבית וראה נכרית אחת שהיתה נאה ביותר ואמר (תהלים קד) מה רבו מעשיך ה' ואף ר"ע ראה אשת טורנוסרופוס ורק ושחק ובכה רק שהיתה באה מטפה סרוחה שחק דעתידה דמיגיירה ונסבה לה בכה דהאי שופרא בלי בארעא , רבנן אודויי הוא דמודו דאמר מר הרואה בריות טובות ואילנות טובות אומר ברוך שככה לו בעולמו . ולאסתכולי מי שרי מיתיבי (דברים כג) ונשמרת מכל דבר רע שלא יסתכל איש באשה נאה אפי' היא פנויה באשת איש ואפילו היא מכוערת (ע"ג) ולא בבגדי צבע של אשה ולא בחמור ולא בחמורתה ולא בחזיר ולא בחזירה ולא בעוף ולא בעופפת בשעה שנזקקין זה לזה ואפי' מלא עינים כמלאך המות קרן זוית הואי :

ולא בבגדי צבע של אשה. שאפי' את האשה כמו שהיא מלובשת בהן שמייפין אותה ומהרהר אחריה: קרן זוית הואי. כשפונה לימין או לשמאל ליכנס ממבוי למבוי ופוגעין זה את זה בקרן זוית ואינו רואה אותה מרחוק כשבא כנגדו שיעלים עיניו :

נב אמרו עליו על מלאך המות שכולו מלא עינים ובשעת פטירתו של אדם עומד למעלה מראשותיו

אזוי וויא רב יהודה האט גזאגט פון רבם וועגן איוד טאר ניט זאגן וויא שיין איז דער גוי . ער טאר ניט געבין אויף איהם קיין חן . פרעגט דיא גמרא עס האט אמאהל גיטראפין רבן שמעון בן גמליאל איז גישטאנען אויף אטרעפ וואס ער איז גיוועזן אויף דעם בארג וואס דער בית המקדש איז אויף איהם גישטאנען האט ער גיזעהן אגויה וואס איז גיוועזן זייער שיין האט ער גזאגט גאט וויא גרויס זענען דיינע ווערק . אונ רבי עקיבא האט גיזעהן דיא ווייב פון טורנוסרופוס האט ער געשפיגען אונ גילאכט אונ גיוויינט . געשפיגען האט ער ווייל ער האט זיך דער מאנט פון וואס פאר אמיאוסין ארט דער מענטש ווערט גיבארין . גילאכט האט ער ווייל ער האט גיוואוסט זיא וועט זיך מגייר זיין אונ ער וועט זיא נעמען פאר אווייב . גיוויינט האט ער ווייל ער האט זיך דער מאנט אזוי אשונהייט וועט פאר פוילט ווערין אין דער ערד . האבין דאך רבן שמעון בן גמליאל אונ רבי עקיבא גילויבט דיא שיינקייט פון אגויה : ענפערט דיא גמרא דיא צוויא רבנן האבין ניט גילויבט דיא שיינקייט פון די גויהם . זייא האבין נאר גילויבט צוא גאט וואס ער האט בשאפין אזעלכע שיינע מענטשין . ווארום מיר האבען גילערונט אז איינער זעהט שיינע בשעפעניש אדער שיינע בוימער דארף ער לויבין גאט אונ זאגין גילויבט איז גאט וואס ער האט אזעלכעס בשאפין אין זיין וועלט . פרעגט דיא גמרא מעג מען דען קוקען אויף אאשה . עס שטייט דאך אין פסוק דוא זאלסט דיך היטען פון שלעכטע זאכען . דאס מיינט מען מען זאל ניט קוקען אויף אשיינע נקבה אפילו זיא האט ניט קיין מאן . אונ מען זאל ניט קוקען אויף אנקבה וואס האט אמאן אפילו זי איז מיאוס : אונ מען טאר ניט קוקען אויף דיא שיינע קליידער פון אנקבה אפילו זייא איינגען אויף די וואנט . אונ מען טאר ניט קוקען ווען דער אייזיל בהעפט זיך מיט זיין נקבה . אונ ניט ווען אחזיר בהעפט זיך מיט זיין נקבה . אונ ניט ווען דיא עופות בהעפטין זיך מיט זייערע נקבות . אפילו דער מענטש וואלט גיוועזן פול מיט אויגען אזוי וויא דער מלאך המות . וואס עס איז שווער איין צו היטען זיך מען זאל ניט קוקען . מוז ער זיך אויך היטען ער זאל ניט קוקען . ענפערט דיא גמרא דער דין איז טאקי אז מען זעהט פון ווייטין אאשה גייט דארף מען פאר מאכען דיא אויגען מען זאל ניט קוקען אויף איר . נאר דיא רבנן זענען גיגאנגען פון איין גאס אין דיא אנדערע גאס . אונ אין ווינקעל פון גאס זענען זייא פלוצלונג און גיקומען איינער געגין דעם אנדערין אונ האבין זיך גיזעהן :

נב אמרו . מען זאגט אויף דעם מלאך המות אז ער איז אין גאנצין פול מיט אויגען . אונ ווען עס קומט דיא צייט דער מענטש זאל שטארבען . שטייט דער מלאך המות נעבין זיין קאפ אונ ער האלט דעם בלויזין שווערד אין האנט אונ אטראפין גאל איינגט אויף זיין שווערד .

מראשותיו וחרבו שלופה בידו וטפה של מרה תלויה בו כיון שרואה אותו החולה מזדעזע ופותח את פיו וזורק טפה של מרה לתוך פיו ממנה מת ממנה מסריח ממנה פניו מוריקות ממנה מת נימא פליגא אדאבוה דשמואל דאמר אבוה דשמואל אמר לי מלאך המות אי לאו דחיישינא ליקרא דברייתא הוה פרענא להו בית השחיטה כבהמה דלמא ההיא טפה מחתכת להו לסימנין. ממנה מסריח מסייע ליה לרבי חנינא בר כהנא דא"ר חנינא בר כהנא אמרי בי רב הרוצה שלא יסריח מתו יהפכנו על פניו :

בשעת השחיטה. לידעת מבהון כבהמה הנמת מתוך ממש הוא :
ונשמרת. וסמיך ליה כי יהיה בך איש אשר לא יהיה טהור מקרה לילה וקרא מזהיר ליה להשמר שלא יבוא לידי כך : תורה . ע"י שיעסוק בה ועוד שרואה ומבין אזהרות שבה ונזהר : זריזות . זריז ונשמר קודם לכן שלא תבא עבירה לידו כי כרא דאינו מהרהר לבא לידי טומאה : זהירות . כשהעבירה באה לידו זהיר להשמר שלא יכשל והכי אמרינן בכל הבשר בשהייה הולין נ"הי לאו דזהיר ולא נגע לא דזריז וקדם ומשי ידיה מעיקרא : נקיות . נקי באין חטא : פרישות . אף מדבר המותר פורש להחמיר על עצמו : טהור . לא ומלובן ועדיף מנקי : לידי רוח הקודש . להשרות

נג ת"ר (דברים כג) ונשמרת מכל דבר רע שלא יהרהר אדם ביום ויבא לידי טומאה בלילה מכאן א"ר פנחס בן יאיר תורה מביאה לידי זהירות . זהירות מביאה לידי זריזות. זריזות מביאה לידי נקיות, נקיות מביאה לידי פרישות . פרישות מביאה לידי טהרה. טהרה מביאה לידי קדושה. קדושה מביאה לידי ענוה. ענוה מביאה לידי יראת חטא. יראת חטא מביאה לידי חסידות

חסידות

ווִיא דֶער קְרַאנְקֶער דֶער זֶעהט דֶעם מַלְאַךְ הַמָּוֶת ווֶערְט עֶר פַאר צִיטֶערְט אוּנ עֶר עֶפִינְט דִיא מויל . נֶעמְט דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת דֶעם טְרָאפִּין גַאל אוּנ וואַרְפְט איהם אַרַיין דֶעם קְרַאנְקִין אִין מויל . פוּן דֶעם טְרָאפִּין גַאל שְׁטַארְבְּט דֶער קְרַאנְקֶער ; אוּנ פוּן דֶעם שְׁטִינְקְט דֶער טוֹיטֶער . אוּנ פוּן דֶעם ווֶערְט גֶעל זַיין פָּנִים . פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא פוּן דֶעם טְרָאפִּין גַאל שְׁטַארְבְּט דֶער קְרַאנְקֶער . אֲבוּהָ דִשְׁמוּאֵל הָאט דָאךְ גְזָאגְט דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת הָאט מִיר גְזָאגְט ווֶען עֶס וואלְט מִיךְ נִיט גִיהַארְט דֶער כָּבוֹד פוּן מֶענְטְשִׁין וואלְט אִיךְ גִישָׁאכְטִין דֶעם מֶענְטְשִׁין פוּן אוֹיסוועֵינִיג אַזוֹי ווִיא מֶען שֶׁעכְט אַבְּהֵמָה . נָאר הַיינְט שֶׁעכְט אִיךְ אִיהם אִינְוֶוענִיג אוּנְטֶער דִיא הוֹיט . עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא טָאמֶער דֶער טְרָאפִּין גַאל שְׁנַיידְט אִיבֶּער דִיא סִימָנִים (דֶעם קָנֶה מִיט דֶם וֶשֶׁט) וָואס זֶענֶען אִין הַאלְדְז . פוּן דֶעם טְרָאפִּין גַאל שְׁטִינְקְט דֶער טוֹיטֶער . דָאס אִיז אַזוֹי ווִיא רַבִּי חֲנִינָא בַּר כַּהֲנָא הָאט גְזָאגְט דִיא תַּלְמִידִים פוּן רַב הָאבִּין גְזָאגְט דֶער וָואס ווִיל אַז דֶער טוֹיטֶער זָאל נִיט שְׁטִינְקֶען (אֵיידֶער עֶר שְׁטַארְבְּט) זָאל עֶר אִים אוּמְקֶערִין מִיט דֶעם פָּנִים אַרָאפּ אוּנ זָאל אִיהם אַזוֹי לָאזִין לִיגֶען :

נג תָּנוּ רַבָּנָן . דִיא רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערְנְט עֶס שְׁטֵייט אִין **פָּסוּק** דוּא זָאלְסְט דִיךְ הִיטֶען פוּן אַשְׁלֶעכְטֶע זַאךְ . דָאס מֵיינְט מֶען אַמֶענְטְשׁ זָאל נִיט טְרַאכְטִין בַּייא טָאג פוּן זְנוּת . ווֶעט עֶר נִיט טָמֵא ווֶערִין פוּן שִׁכְבַת זֶרַע בַּייא נַאכְט . פוּן דַאנֶען הָאט רַבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר גְזָאגְט דֶער מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה . בְּרֵיינְגְט אִיהם דִיא תּוֹרָה עֶר זָאל זַיין אָפּ גֶעהִיט פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכֶען . עֶר זָאל נִיט עוֹבֵר זַיין אוֹיף אַלֶע לַאוִין פוּן דֶער תּוֹרָה . אוּנ אַז עֶר אִיז אָפּ גֶעהִיט פוּן שְׁלֶעכְטְס בְּרֵיינְגְט דָאס אִיהם צוּא גֶעשְׁווִינְדִיגְקֵייט מְקַיֵּים צוּא זַיין אַלֶע מִצְוֹת עֲשֵׂה וָואס דִיא תּוֹרָה הָאט גִיבָּאטִין . אוּנ דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעשְׁווִינְט צוּא מְקַיֵּים זַיין אַלֶע מִצְוֹת עֲשֵׂה . דָאס בְּרֵיינְגְט אִיהם עֶר זָאל זַיין רֵיין אָן אַעֲבֵירָה (אֲפִילוּ פוּן אַעֲבֵירָה וָואס דִיא רַבָּנָן הָאבִּין גִיאַסֶרְת אִיז עֶר אוֹיךְ רֵיין) . אוּנ אַז עֶר אִיז רֵיין פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת דָאס בְּרֵיינְגְט אִיהם עֶר זָאל זַיין אָפּ גִישֵׁיידְט אֲפִילוּ פוּן דִיא זַאכִין וָואס מֶען מֶעג נָאר מֶען קֶען אוֹיס קוּמֶען אָן דֶעם . אוּנ אַז עֶר אִיז אָפּ גִישֵׁיידְט אֲפִילוּ פוּן דִיא זַאכֶען וָואס מֶען מֶעג . דָאס בְּרֵיינְגְט אִיהם עֶר זָאל זַיין בַּייא זִיךְ נִידֶערִיג . אוּנ אַז עֶר אִיז בַּייא זִיךְ נִידֶערִיג . דָאס בְּרֵיינְגְט אִיהם עֶר זָאל מוֹרָא הָאבִּין צוּ יֶעדֶער צַייט עֶר זָאל נִיט מַאכֶען עֶפֶּעס אַפֶּעלֶער אִין דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע הֵיילִיגְקֵייט וָואס אוֹיף דֶעם הִימֶעל . אוּנ אַז עֶר אִיז אָפּ גֶעהִיט עֶר זָאל נִיט מַאכִין אַפֶּעלֶער אִין דִיא הֵיילִיגְקֵייט פוּן הִימֶעל . דָאס בְּרֵיינְגְט אִיהם עֶר זָאל זַיין אַחָסִיד . אוּנ אַז עֶר אִיז אַחָסִיד ווֶעט

חסידות מביאה לידי רוח הקדש. רוח הקדש מביאה לידי תחית המתים. והסידות גדולה מכלם שנאמר (תהלים פט) אז דברת בחזון לחסידיך ופליגא דריב"ל דאמר ריב"ל ענוה גדולה מכולן שנאמר (ישעיה סא) יען משח ה' אותי לבשר ענוים חסידים וצדיקים לא נאמר כאן אלא ענוים הא למדת שענוה גדולה מכלם:

עליו הכינה: אז דברת בחזון לחסידיך. ולא נאמר נביאיך ולענויך. ע"כ פירוש רב"י ז"ל:

ישראל שעמדו על הר סיני. והקנו מכל מום דכתיב כלך יפה רעיתי ומום אין בך וכהנו בתוס' דגרים נמי דפסקה זוהמתן היינו משום דאע"ג דאינהו לא הוו מזלייהו הוו:

וכן היה ר' אליעזר פוסל וכו'. משום דחייש לרביעה (בכל העכו"ם נחשדו עליה וכן היה פוסל בכל הקרבנות: מאי אהדרו ליה הברוסי. הכמים דמכשירים פרת חטאת הנלקחת מן העכו"ם): כל צאן קדר. קדר הוא ישמעאל וכתיב יעלו לר זן על מזבחי אלמא בשאר קרבנות נמי שרי: גרים גרורים. מעצמם נגררים להתגייר אע"פ שאין

אין מעמידין פרק שני

(דף כב ע"ב) א [אמר מר חביבה עליהן בהמתן של ישראל יותר מנשותיהן],

א"ר יוחנן בשעה שבא נחש על חוה הטיל בה זוהמא אי הכי ישראל נמי ישראל שעמדו על הר סיני פסקה זוהמתן עכו"ם שלא עמדו על הר סיני לא פסקה זוהמתן:

(דף כד) ב יתיב ר' אמי ור' אסי ור' יצחק נפחא אקילעא דר' יצחק נפחא פתח חד מינייהו ואמר וכן היה ר' אליעזר פוסל בכל הקרבנות כולן פתח אידך ואמר מאי אהדרו ליה (ישעי' ס) כל צאן קדר יקבצו לך וגו' יעלו לרצון על מזבחי א"ל ר"א כלם גרים גרורים הם לעתיד לבא אמר רב יוסף מאי קראה (צפני' ג) כי אז אהפוך אל עמים שפה ברורה א"ל

ער האבין רוח הקודש. אונ אז ער וועט האבין רוח הקודש וועט ער קענען לעבעדיג מאכין מתים, אונ חסידות איז דיא גרעסטע מעלה פון אלע מעלות. אונ רבי פינחס קריגט אויף רבי יהושע בן לוי. ווארום רבי יהושע בן לוי זאגט אז ענוה וואס אמענטש איז נידעריג ביי זיך איז דיא גרעסטע מעלה. ווארום עס שטייט אין פסוק ישעיה הנביא זאגט גאט האט מיך גיזאלבט אן צו זאגין דיא ענוים. חסידים אונ צדיקים שטייט ניט. נאר ענוים. זעהן מיר אז ענוה איז דיא גרעסטע מעלה:

פרק שני

א אמר. דער תנא האט גזאגט אז ביי דיא געצין דינער איז גיוועזן ליבער צוא מזנה זיין מיט דיא יודישע בהמות וויא מיט זייערע ווייבער. רבי יוחנן זאגט ווען דער שלאנג האט מזנה גיוועזן מיט חוה. האט ער אין איר אריין גיגעבין זיינע זרע וואס פון דעם איז פאר מיאוסט גיווארין איר גאנצער גוף. אונ דאס מיאוסקייט האט זיא איין גיפלאנצט אין אלע מענטשין פון דער וועלט וואס זענין פון איר גיבארין גיווארן. נאר דיא יודין וואס זענין גישטאנען אויף דעם בארג סיני איז פון זייא אפ גיטאהן גיווארין זייער מיאוסקייט. אונ דיא געצין דינער וואס זענען ניט גישטאנען אויף דעם בארג סיני. איז פון זייא ניט אפ גיטאהן גיווארין זייער מיאוסקייט:

ב יתיב. רבי אמי אונ רבי אסי אונ רבי יצחק נפחא זענין גיזעסין ביא רבי יצחק נפחא אין שטוב. האט איינער פון זייא אן גיהויבין אונ האט גזאגט אזוי האט רבי אליעזר פסול גימאכט אלע קרבנות וואס זענין גיקויפט גיווארין פון אגוי. ווייל ער האט מורא טאמער הט דער גוי מזנה גיוועזן מיט דער בהמה. האט דער אנדערער גזאגט וואס האבין דיא חכמים גיענטפערט צוא רבי אליעזר עס שטייט אין פסוק אלע שעפסין פון קדר וועלין פאר זאמלט ווערין צוא דיר אונ זייא וועלין אויף גיבריינגט ווערין אויף מיין מזבח צום בעוויליגונג. זעהן מיר אז דיא גוישע בהמות זענען כשר צוא מקריב צוא זיין אויף דעם מזבח. האט רבי אליעזר גזאגט צוא דיא חכמים פון דער צייט וואס משיח וועט קומען שמועסין מיר ניט. ווארום עס וועט שוין ניט זיין קיין גוים. אלע וועלין זיך מגייר זיין ווען משיח וועט קומען. האט רב יוסף גזאגט

א"ל אביי ודלמא מע"ז הוא דהדרי בה א"ל רב יוסף (שם) לעבדו שכם אחד כתיב:

(ע"ב) **ג וישרנה** הפרות בדרך וגו' (ש"א ו) מאי וישרנה הפרות א"ר יוחנן משום ר"מ שאמרו שירה וכן אמר רב זוטרא בר טוביה אמר רב שישרו פניהם כלפי ארון ואמרו שירה ומה שירה אמרו א"ר יוחנן משום ר"מ (שמות טו) אז ישיר משה וגו' ור' יוחנן דידיה אמר (ישעיה יב) ואמרתם ביום ההוא הודו לה' קראו בשמו וגו'. ור"ש לקיש אמר מזמורא יתמא (תהלים לח) מזמור שירו לה' שיר חדש כי נפלאות עשה וגו', ר' אלעזר אומר (שם לט) ה' מלך ירגזו עמים. ר' שמואל בר נחמני אמר (שם לג) ה' מלך גאות לבש. ר' יצחק נפחא אמר רני רני השטה התנופפי ברוב הדרך המחושקה ברקמי זהב המהוללה בדביר ארמון המפוארה בעדי עדיים. רב אשי מתני לה להא דר' יצחק

מקבלין אותן: מע"ז הדרי בה. כדכתיב לקרוא כלם בשם ה' אבל מרביעה לא הדרי: שכם אחד. משמע אין חילוק בעבודתן ישראל והאומות והאי עבודתן שוה בכל מעשיו:
וישרנה אז ישיר כי גאה גאה לבלוח יד בפלשתים ובדגון אלהיהם: יתמא. בלא נזכר שם אמרו: ירגזון. על שהכם במכת טחורים: השטה. ארון עצי שטים: התנופפי. התרוממי: המחושקה. קשורה לשון וחשוקיהם כסף: ברקמי זהב. מצופה זהב טהור מבית ומבחוץ: המהוללה בדביר ארמון. שה"ת של משה בתוכו וארון מהולל ומפואר במה שבתוכו: בעדי עדיים. ואין לך

פון וואנען ווייסין מיר אז דיא גוים וועלין זיך מגייר זיין ווען משיח וועט קומען. ווארום עס שטייט אין פסוק דאמאלס (ווען משיח וועט קומען) וועל איך פארקערין צוא דיא פעלקער איינע שפראכע (זייא וועלין אלע ריידין לשון קודש) וועלין זייא דאך זיין יודין. האט אביי גיפרעגט מאמער וועלין זייא זיך נאר מגייר זיין זייא זאלין זיין יודין. אבער מיט בהמות וועלין זיי נאך מזנה זיין. האט רב יוסף גיזאגט עס שטייט אין פסוק לעבדו שכם אחד. זייא וועלין דינען גאט אלע גלייך. דיא גרים אזוי וויא דיא יודין:

ג וישרנה. ווען דיא פלשתים האבען גיפאנגען דעם ארון אונ גאט האט זיי גישטראפט ביז זיי האבען געמוזט דעם ארון צוריק שיקען צו דיא יודען. שטייט אין פסוק דיא פלשתים האבען ארויף גישטעלט דעם ארון אויף אנייעם וואגין. אונ זייא האבען איין גישפאנט אין דעם וואגין צוויא קיה. אונ זייא האבין גילאזין דיא קיה זאלען אליין גיין. זאגט דער פסוק וישרנה הפרות בדרך. וואס מיינט מען וישרנה הפרות. רבי יוחנן זאגט פון רבי מאירס וועגין. דיא קיה האבען גיזאגט שירה. אונ אזוי האט גיזאגט רב זוטרא בר טוביה פון רבס וועגין אז דיא קיה האבען אויס גיגלייכט זייער פנים געגין דעם ארון אונ זיי האבען גיזאגט שירה. וועלכע שירה האבען זייא גיזאגט. רבי יוחנן האט גיזאגט פון רבי מאירס וועגין זייא האבען גיזאגט דיא שירה וואס משה האט גיזאגט בייא דעם ים אויף דיא גרויסקייט וואס גאט האט גיטאהן אין מצרים. דיא קיה האבען אויך גיזונגען צו גאט אויף זיין גרויסקייט וואס ער האט בעוויזען צו שטראפען דיא פלשתים מיט זייער גאט. אונ רבי יוחנן זאגט פון זיינעט וועגין דעם פסוק האבען זייא גיזונגען איהר וועט זאגין אין דעם טאג לויבט צו גאט רופט זיין נאמען (אונ ווי ווייטער שטייט). ריש לקיש זאגט זייא האבען גיזונגען דעם מזמור וואס ער איז אתום (מען ווייס ניט ווער עס האט איהם גיזאגט). דאס איז דער מזמור שירו לה' שיר חדש כי נפלאות עשה (אונ וויא ווייטער שטייט). רבי אלעזר זאגט זייא האבען גיזונגען דעם קפיטל ה' מלך ירגזו עמים. רבי שמואל בר נחמני זאגט זייא האבען גיזונגען דעם קפיטל ה' מלך גאות לבש. רבי יצחק נפחא זאגט דיא קיה האבען גיזאגט צום ארון רני רני השטה (זינג דוא ארון וואס דוא ביזט גימאכט פון טענען האלץ) התנופפי ברוב הדרך (הער הויב דיך מיט דיינע פיל שיינקייט) המחושקה ברקמי זהב (וואס דוא ביזט ארומגינומען מיט גאלד פון אינווייניג אונ פון אויסווייניג) המהוללה בדביר ארמון (וואס דוא בערימסט דיך מיט דיא תורה וואס ליגט אין דיר) המפוארה בעדי עדיים (וואס דוא ביסט בעצירט מיט אשיינעם צירונג. דאס איז די תורה). רב אשי האט גילערנט וואס רבי יצחק נפחא האט גיזאגט אויף דער זאך. ניט דיא קיה האבען גיזאגט רני רני השטה. נאר ווען דער ארון האט גיצויגין אונ משה האט גיזאגט קומה ה' וואס

יצחק נפחא אהא (במדבר י) ויהי בנסוע הארון ויאמר משה וגו' ישראל מאי אמרו א"ר יצחק רני רני השטה וגו' אמר רב כמאן קרו פרסאי לספרא דביר מהכא (שופטים א) ושם דביר לפנים קרית ספר. אמר רב אשי כמאן קרו פרסאי לנדה דשתנא מהכא (בראשית לא) כי דרך נשים לי:

(דף כה) (יהושע י) **ד וידם** השמש וירח עמד עד יקום גוי אויביו הלא היא כתובה

על ספר הישר מאי ספר הישר אמר ר' חייא בר אבא א"ר יוחנן זה ספר אברהם יצחק ויעקב שנקראו ישרים שנאמר (במדבר כג) תמות נפשי מות ישרים וגו' והיכא רמיזא (בראשית מח) וזרעו יהיה מלא הגוים אימתי יהיה מלא גוים בשעה שעמדה לו חמה ליהושע. (ר' אלעזר אומר זה ספר משנה תורה ואמאי קרי ליה ספר הישר דכתיב ביה (דברים יב) ועשית הטוב והישר בעיני ה' וגו' והיכא רמיזא (שם לג) בהם עמים ינגח יחדו אפסי ארץ

עדי, גדול מזה: דביר. הוא ספר בלשון פרס: ישראל מאי אמרו. בנסוע הארון בשעת מסעות שבמדבר שהיה משה אומר קומה ה' מה ישראל עונין אחריו: דשתנא. נוטריקון ד' דרך ש' נשים: וידום השמש. ביהושע כתיב כשנלחם עם המלכים הבאים על הגבעונים והלא כאן לא משום דפליגי לעיל ר"א ורבי שמואל בר נחמני במדרש פסוקא דויפרוש הפרוכת ופליגי נמי במדרש ויעמוד השמש, וידום שתק מלומר שירה שבכל עת לכתו הוא שותק ובעמידתו שותק ויהושע אומר שירה בשבילה דכתיב אז ידבר יהושע לה' ביום תת וגו': עד יקום גוי. ינקום ישראל מאויביו: הלא היא כתובה על ספר הישר. שעתיד לעשות לי נס: ספר הישר וכו'. היינו ספר בראשית שמעשה אבות כתובים בו: מות ישרים. בלעם מבקש על עצמו שימות מיתה של גויעה כמותן: והיכא רמיזא. בבראשית שעתיד יהושע לבא לנס זה. יהושע משבט אפרים בא דכתיב למטה אפרים הושע בן נון וכתיב באפרים וזרעו יהיה מלא הגוים כל הגוים יתמלאו מיראת אימת זרעו של אפרים יהיה מלא הגוים אם אדם מולא כאן במלחמה אין בני אספמיא יודעין בה אבל בשעה שעמד ליהושע השמש נראה לכל העולם ויראו מפניו: בהם עמים ינגח יחדו אפסי ארץ. כלומר תפול

האבען דיא יודען גיזאגט. האט רבי יצחק נפחא גיזאגט דיא יודען האבין גיזאגט רני רני השטה. רב האט גיזאגט פאר וואס רופען דיא פרסיאנער אויף א ספר דביר [אזוי וויא עס שטייט פריער המהוללה בדביר ארמון אונ דביר מיינט מען דיא ספר תורה]. ווארום עס שטייט אין פסוק דעם נאמען דביר האט מען פריער גירופען קרית ספר. רב אשי זאגט פאר וואס רופען דיא פרסיאנער אויף א נדה דשתנא. ווארום עס שטייט אין פסוק כי דרך נשים לי. [רחל האט גיזאגט צו איהר פאטער לבן איך האב בעקומען דאס ווייבערשע נאטור: איך בין א נדה]. אונ דער דל״ת פון דשתנא מאכט דרך. דער שי״ן מאכט נשים:

ד וידום. ווען יהושע האט מלחמה גיהאלטען אונ עס האט אן גיהויבען נאכט צו ווערין. האט יהושע גיזאגט דיא זוהן זאל בלייבען שטיין אין גבעון אונ דיא לבנה זאל בלייבען שטיין אין עמק אילון. איז דיא זוהן געבליבען שטיין אין גבעון. אונ דיא לבנה איז געבליבען שטיין אין עמק אילון. ביז דאס פאלק [דיא יודען] האבען גיטאהן א נקמה אין זייערע פיינד. עס איז פאר שריבען אין ספר הישר. וועלכער ספר איז דאס דער ספר הישר. האט רבי חייא בר אבא גיזאגט פון רבי יוחנן וועגין. דאס איז דער ספר בראשית וואס דארט ווערט דער ציילט פון אברהם יצחק יעקב וואס זייא ווערין גערופען ישרים. אזוי וויא בלעם האט גיזאגט תמות נפשי מות ישרים. הלואי זאל איך אויך שטארבען אזוי וויא דיא ישרים אברהם יצחק יעקב זענען גישטארבען. ווא שטייט דאס אין ספר בראשית. יעקב האט גיזאגט אויף אפרים ודער נאמען פון] זיין קינד וועט זיין פול אלע פעלקער [אונ יהושע איז גיבארן פון שבט אפרים] ווען איז גיווען דער נאמען פון יהושע פול צווישען אלע פעלקער. ווען יהושע האט געהייסען די זוהן מיט דיא לבנה זאלען בלייבען שטיין. דעם נס האבען גיזעהן דיא גאנצע וועלט. אונ דר נאמען פון יהושע איז גרויס גיווארען אונ אלע האבען מורא גיהאט פאר איהם. רבי אלעזר זאגט דעם ספר הישר מיינט מען דעם ספר משנה תורה [דאס איז דער ספר דברים]. פאר וואס רופט מען איהם ספר הישר. ווייל אין איהם שטייט ועשית הטוב והישר בעיני יי: אונ ווא שטייט דער מאנט אין משנה תורה דיא זאך פון יהושע. ווארום עס שטייט אין פסוק מיט די הערנער וועט ער שטויסען אלע פעלקער צו זאמען [אונ זיין מורא וועט זיין ביזו אין דיא עקין וועלט. ווען וועט ער שטויסען דיא פעלקער צו זאמען אונ זיין נאמען וועט זיין ביז אין די עקין וועלט

ארץ אימתי בהם עמים ינגח יהדו אפסי ארץ בשעה שעמדה לו חמה ליהושע). (יהושע י) ויעמוד השמש בחצי השמים ולא אץ לבא כיום תמים וכמה אריב"ל עשרים וד' שעי אזל שית וקם שית אזל שית וקם שית כולה מלתא כיום תמים. ר' אלעזר אומר ל"ו אזל שית וקם תרי עשר אזל שית וקם י"ב עמידתו כיום תמים ר' שמואל בר נחמני אמר מ"ח אזל שית וקם תרתי סרי אזל שית וקם עשרין וארבע שנאמר ולא אץ לבא כיום תמים מכלל דמעיקרא לאו כיום תמים הוה. א"ד בתוספת פליגי ריב"ל אמר כ"ד אזל שית וקם תריסר אזל שית וקם תריסר עמידתו כיום תמים ר' אלעזר אומר ל"ו אזל שית וקם תרתי סרי אזל שית וקם כ"ד ולא

פחדו ואימתו לאותם העומדים בקצה הארץ ותשם כחם כדכתיב ולא קם עוד רוח וגו'. ספר משנה תורה וכספר שופטים ל"ג הכא ואגב ריהטא דגרסי' לקמן נקטע הכא ושבשתא היא דהא לא רמיזא בהו: ויעמוד השמש. יש במשמע שני עכבות אחת בחצי השמים דהיינו בחצי היום ואחת סמוך לשקיעת החמה דכתיב ולא אץ לבוא אלא שהה כיום תמים והיינו כ"ד שעות דיום אינו תמים ובשלם אלא עם לילו: כ"ד שעות. היה אותו היום מעלות השחר עד צאת הכוכבים ויום תמים הכולה מלתא קאי אהלוך ואעמידה: אזל שית. עד חצי השמים: וקם שית. דכתיב ויעמוד השמש: ואזיל שית. עד ערב: וקם שית. דכתיב ולא אץ לבא: כולה מלתא. הלוכו ועמידתו כיום תמים כ"ד שעות של יום ושל לילה דשאר ימים: בלשים ושש. דיום תמים דקרא אעמידה להוד קאי: מ"ח. כיום תמים דקרא אתרי' דשקיעה קאי וקמייתא דלא כתיב בה כיום תמים שהה עמידה י"ב שעות כעמידה שדרכו לעמוד לשחוק בלילה: איכא דאמרי. הנך שיעורי דהני ר"ק בתוספת שניתוסף על היום קאמרי להו: ריב"ל אמר כ"ד. כולי התוספת ויום תמים דקרא אעמידה קאי: ור"א אמר ל"ו. כולי התוספת ויום תמים דהכא אעמידה דלא אץ לבא קאי וקמייתא שהמא י"ב שעות כתורת

וֶוען עֶר הָאט גִישְׁטֶעלְט דִיא זוּהן מִיט דִיא לְבָנָה. אִין פָּסוּק שְׁטֵייט דִי זוּהן הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט אִין הַאלְבֶּען הִימֶעל אוּנ זִיא הָאט נִיט גִיאַייְלְט אוּנְטֶער צוּ גֵיין אַזוֹי וִויא אַנְגַאנְצִין מֵעת לְעֵת. וִויא לַאנְג אִיז גִיוֶוען דֶער טָאג. רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי זָאגְט דֶער טָאג אִיז גִיוֶוען פִיר אוּנ צְוַואנְצִיג שָׁעָה. דִי זוּהן אִיז גִינַאנְגֶען זֶעקְס שָׁעָה. אוּנ אִיז גִישְׁטַאנֶען זֶעקְס שָׁעָה. דֶער נָאךְ אִיז זִי וַוייטֶער גִינַאנְגֶען זֶעקְס שָׁעָה. אוּנ אִיז גִישְׁטַאנֶען זֶעקְס שָׁעָה. צוּ זַאמֶען אִיז גִיוֶוען דֶער טָאג לַאנְג אַזוֹי וִויא אַגַאנְצֶער מֵעת לְעֵת. דָאס אִיז פִיר אוּנ צְוַואנְצִיג שָׁעָה. דֶער נָאךְ אִיז גִיוָוארֶען נַאכְט. רַבִּי אֶלְעָזָר זָאגְט זֶעקְס אוּנ דְרַייסִיג שָׁעָה אִיז גִיוֶוען דֶער טָאג. דִיא זוּהן אִיז גִינַאנְגֶען זֶעקְס שָׁעָה אוּנ אִיז גִישְׁטַאנֶען צְוֶועלְף שָׁעָה. דֶער נָאךְ אִיז זִיא וַוייטֶער גִינַאנְגֶען זֶעקְס שָׁעָה אוּנ אִיז גִישְׁטַאנֶען צְוֶועלְף שָׁעָה. דֶער נָאךְ אִיז גִיוָוארֶען נַאכְט. אִיז דִיא זוּהן גִישְׁטַאנֶען פִיר אוּנ צְוַואנְצִיג שָׁעָה אַזוֹי וִויא אַגַאנְצֶער מֵעת לְעֵת. אוֹיסֶער דִיא צְוֶועלְף שָׁעָה וָואס זִיא אִיז גִינַאנְגֶען. רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָנִי זָאגְט דֶער טָאג אִיז גְרוֹיס גִיוֶוען אַכְט אוּנ פֶערְצִיג שָׁעָה. דִי זוּהן אִיז גִינַאנְגֶען זֶעקְס שָׁעָה. אוּנ אִיז גִישְׁטַאנֶען צְוֶועלְף שָׁעָה. דֶער נָאךְ אִיז זִיא וַוייטֶער גִינַאנְגֶען זֶעקְס שָׁעָה. אוּנ אִיז גִישְׁטַאנֶען פִיר אוּנ צְוַואנְצִיג שָׁעָה. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִיא זוּהן הָאט נִיט גִיאַייְלְט אוּנְטֶער צוּ גֵיין אַזוֹי וִויא אַגַאנְצֶער טָאג וַאזוֹי וִויא אַגַאנְצֶער מֵעת לְעֵת. וֶועהְן מִיר אַז פַאר דֶעם אוּנְטֶער גֵיין אִיז זִיא גִישְׁטַאנֶען פִיר אוּנ צְוַואנְצִיג שָׁעָה צוּ זַאמֶען אִיז אַכְט אוּנ פֶערְצִיג שָׁעָה. וַוייסֶען מִיר אָבֶּער אִין מִיטֶען טָאג וֶוען זִיא אִיז גִישְׁטַאנֶען. אִיז זִיא נִיט גִישְׁטַאנֶען וִויא אַגַאנְצִין מֵעת לְעֵת. נָאר וִויא אַהַאלְבֶּען מֵעת לְעֵת: דָאס אִיז צְוֶועלְף שָׁעָה. אַנְדֶערֶע זָאגִין נִיט זַייא קְרִיגֶען וִויא גְרוֹיס דֶער טָאג אִיז גִיוֶוען פוּן פְרִיא בִּיז נַאכְט. נָאר זַייא קְרִיגֶען מִיט וִויא פִיל דֶער טָאג. אִיז לֶיינְגֶער גִיוֶוען פוּן אַלֶע טָאג. רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי זָאגְט דֶער טָאג אִיז גִיוֶוען גְרֶעסֶער מִיט פִיר אוּנ צְוַואנְצִיג שָׁעָה: דִיא זוּהן אִיז גִינַאנְגֶען זֶעקְס שָׁעָה. אוּנ אִיז גִישְׁטַאנֶען צְוֶועלְף שָׁעָה: דֶער נָאךְ אִיז זִיא וַוייטֶער גִינַאנְגֶען זֶעקְס שָׁעָה אוּנ אִיז גִישְׁטַאנֶען צְוֶועלְף שָׁעָה. אִיז דִיא זוּהן גִישְׁטַאנֶען אַזוֹי וִויא אַגַאנְצֶער טָאג וִויא אַגַאנְצֶער מֵעת לְעֵת. פִיר אוּנ צְוַואנְצִיג שָׁעָה. צוּ זַאמֶען אִיז גִיוֶוען טָאג זֶעקְס אוּנ דְרַייסִיג שָׁעָה. רַבִּי אֶלְעָזָר זָאגְט דִיא זוּהן אִיז גִישְׁטַאנֶען זֶעקְס אוּנ דְרַייסִיג שָׁעָה. זִיא אִיז גִינַאנְגֶען זֶעקְס שָׁעָה. אוּנ אִיז גִישְׁטַאנֶען צְוֶועלְף שָׁעָה. זִיא אִיז גִינַאנְגֶען נָאךְ זֶעקְס שָׁעָה אוּנ אִיז גִישְׁטַאנֶען פִיר אוּנ צְוַואנְצִיג שָׁעָה. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק זִיא הָאט נִיט גִיאַייְלְט אוּנְטֶער צוּא גֵיין אַזוֹי וִויא אַגַאנְצֶער טָאג וַאזוֹי וִויא אַגַאנְצֶער מֵעת לְעֵת. פִיר אוּנ צְוַואנְצִיג שָׁעָה. וֶועהְן מִיר אַז בַּייא דֶעם אוּנְטֶער גֵיין

ולא אין לבא כיום תמים רשב"נ אמר כ"ה אזל שית וקם כ"ד אזל שית וקם כ"ד מקיש עמידתו לביאתו מה ביאתו כיום תמים אף עמידתו כיום תמים :

ה תנא כשם שעמדה לו חמה ליהושע כך עמדה לו למשה ולנקדימון בן גוריון . יהושע קרא . נקדימון בן גוריון גמרא אלא משה מנ"ל (א"ר אלעזר) אתיא אחל אחל כתיב הכא (דברים ב) אחל תת פחדך וכתיב ביהושע (יהושע ג) אחל גדלך לעיני העמים ר' יוחנן אמר אתיא תת תת כתיב הכא תת וכתיב התם (שם י) ביום תת ה' את האמורי לפני בני ישראל ר"ש בר נחמני אמר מגופיה דקרא שמעת ליה (דברים ב) אשר ישמעון שמעך ורגזו וחלו מפניך אימתי ורגזו וחלו מפניך בשעה שעמדה לו חמה למשה מיתיבי (יהושע י) ולא היה כיום ההוא לפניו ואחריו אבע א שעות הוא דלא נפישן כולי האי ואבע"א אבני ברד לא הואי דכתיב (שם) ויהי בנוסם מפני ישראל וגו' וה' השליך עליהם

כתורת בלילה : ור' שמואל בר נחמני . ס"ל דיום תמים דקרא אעמידה דלא אין לבא קאי ומיהו מקיש עמידתו דהאי התמים לביאתו דלא אין לבא : נקדימון בן גוריון גמרא . שהלוהו הגמון שתים עשר מעיינות מים במסכת תענית בפרק סדר תעניות כאלו : למשה . במלחמת סיחון : ולא היה כיום ההוא . במעשה דיהושע כתיב : אבני

איז זיא גישטאנען פיר אונ צוואנציג שעה . צו זאמען איז גיוועזן דער טאג אכט אונ פערציג שעה . רבי שמואל בר נחמני זאגט דיא זוהן איז גישטאנען אכט אונ פערציג שעה . זיא איז גיגאנגען זעקס שעה אונ איז גישטאנען פיר אונ צוואנציג שעה . זיא איז גיגאנגען נאך זעקס שעה . אונ איז גישטאנען נאך פיר אונ צוואנציג שעה . ווארום מיר גלייכען דעם שטיין פון מיטען טאג . צו דעם שטיין פון אונטער גיין . אזוי וויא פר דעם אונטער גיין איז זיא גישטאנען פיר אונ צוואנציג שעה . אזוי אין מיטען טאג איז זיא אויך גישטאנען פיר אונ צוואנציג שעה . צו זאמען איז גיוועזן דער טאג זעכציג שעה :

ה תנא : מיר האבען גילערונט אזוי וויא דיא זוהן איז געבליבען שטיין פון יהושעס וועגין . אזוי איז זיא געבליבען שטיין פון משהס וועגין . אונ אזוי איז זיא געבליבען שטיין פון נקדימון בן גוריונס וועגין . זאגט דיא גמרא אז דיא זוהן איז געבליבען שטיין פון יהושעס וועגין שטייט אין פסוק . אז דיא זוהן איז געבליבען שטיין פון נקדימון בן גוריונס וועגין שטייט אין דיא גמרא . אבער פון וואנען ווייסען מיר אז דיא זוהן איז געבליבען שטיין פון משהס וועגין . רבי אלעזר זאגט מיר לערנען אפ אחל אחל . ביא משה שטייט אחל תת פחדך ואיך וועל אנהייבין געבין דיין מורא] . אונ ביא יהושע שטייט אחל גדלך לעיני העמים איך וועל אנהייבען דיך גרויס צוא מאכען פאר דיא אויגען פון אלע פעלקער] אזוי וויא דיא גרויסקייט פון יהושע איז גיווארין ווייל דיא זוהן איז געבליבען שטיין פון זיינעט וועגין . אזוי דיא מורא פאר משה איז אויך גיווארין ווייל דיא זוהן איז געבליבען שטיין פון זיינעט וועגין . רבי יוחנן זאגט מיר לערנען אפ תת תת . ביא משה שטייט דערווארט תת . אונ ביי יהושע שטייט דער ווארט תת . צו ווייזען אלץ וואס עס האט גיטראפען ביי יהושע האט גיטראפען ביא משה . אזוי וויא ביי יהושע איז געבליבען שטיין דיא זוהן . איז ביא משה אויך געבליבען שטיין דיא זוהן . רבי שמואל בר נחמני זאגט מען דארף ניט אפ לערנען משה פון יהושע . נאר ביי משה אליין שטייט אין פסוק אז דיא זוהן איז געבליבען שטיין פון זיינעט וועגין . ווארום עס שטייט אין פסוק זייא ווערין הערין דיין הערונג ווערין זייא ציטערין אונ שרעקין פאר דיר . ווען האבען אלע פעלקער געציטערט אונ גישראקען פאר משה ווען די זוהן איז געבליבען שטיין פון זיינעט וועגין ווארום אלע נסים וואס משה האט גיטאהן האבען נאר געוואוסט דיא גאנטע . אבער ניט דיא גאנצע וועלט . אונ אז דיא זוהן איז געבליבען שטיין . האבען דעם נס דיא גאנצע וועלט גיזעהן . אונ אלע פעלקער האבען געציטערט פאר משהן . פרעגט די גמרא עס שטייט דאך ביי יהושע אזוי וויא דער טאג איז ניט גיוועזן פריער אונ עס וועט ניט זיין שפעטער . זעהן מיר דאך אז פריער פאר יהושע איז דיא זוהן קיין מאהל ניט געבליבען

עליהם אבנים גדולות מן השמים וגו'. (ש"ב א) ויאמר ללמד את בני יהודה קשת הלא היא כתובה על ספר הישר מאי ספר הישר א"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן זה ספר אברהם יצחק ויעקב שנקראו ישרים דכתיב (במדבר כג) תמות נפשי מות ישרים היכא רמיזא (בראשית מט) יהודה אתה יודוך אחיך ידך בערף איביך אי זו היא מלחמה שצריכה יד כנגד עורף הוי אומר זו קשת ר"א אומר זה ספר משנה תורה ואמאי קרי ליה ספר הישר (דברים ו) ועשית הישר והטוב בעיני ה' היכא רמיזא (שם לג) ידיו רב לו אי זו היא מלחמה שצריכה שתי ידים הוי אומר זה קשת. רבי שמואל בר נחמני אמר זה ספר שופטים ואמאי קרי ליה ספר הישר דכתיב בי' (שופטים יז) בימים ההם אין מלך בישראל איש הישר בעיניו יעשה היכא רמיזא (שם ג) למען דעת דורות בני ישראל ללמדם מלחמה אי זו היא מלחמה שצריכה למוד הוי אומר זו קשת ומנ"ל דביהודה כתיב דכתיב (שם א) מי יעלה לנו בתחלה אל הכנעני להלחם בו ויאמר

ברד לא הוה. בגמרא: ויאמר ללמד לבני יהודה קשת. בקינה שקונן דוד על שאול כתיב: הלא היא כתובה על ספר הישר. דמבני יהודה היו מושכי קשת: יד כנגד עורף. המושך בקשת מתן ידיו כנגד עיניו דהיינו מול עורף אקסי"ל בלעז: דכתיב ביה. במשנה תורה ועשית הישר והטוב: אי זו היא מלחמה שצריכה למוד כו' מנא לן. דקרא ביהודה כתיב: דכתיב. בריש דספרא מי יעלה לנו אל הכנעני בתחלה להלחם

שטיין. ענטפערט די גמרא אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגן דיא זוהן איז טאקי געשטאנען ביי משה אויך. נאר ניט אזוי לאנג וויא זיא איז געשטאנען ביי יהושע. אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגן האגיל אזוי וויא שטיינער איז ניט געוועזן בייא דיא מלחמות פון משה. אונ בייא דיא מלחמות פון יהושע איז יא געוועזן האגיל אזוי וויא שטיינער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אונ עס איז געוועזן ווען זייא זענען אנטלאפען האט גאט געווארפען אויף זיי גרויסע שטיינער פון הימעל:

עס שטייט אין פסוק דוד האט גזאגט דיא קינדער פון שבט יהודה דארפין זיך לערנען שיסען מיט בויגנס. דאס שטייט געשריבען אין ספר הישר אז דער שבט יהודה וועט שיסען מיט בויגנס. וועלכער ספר איז דאס דער ספר הישר. האט רבי חייא בר אבא גזאגט פון רבי יוחנן וועגין דאס איז דער ספר בראשית וואס אין איהם ווערט דער ציילט פון אברהם יצחק יעקב וואס זייא ווערין גירופען ישרים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בלעם האט גזאגט הלואי זאל איך שטארבען אזוי וויא דיא ישרים ודיא פרומע אברהם יצחק יעקב זענען געשטארבען. אונ וואו שטייט אין ספר בראשית אז דער שבט יהודה וועט שיסען מיט בויגנס. יעקב האט גזאגט צוא יהודה. יהודה דיך וועלין לויבען דיינע ברידער דיין האנט וועט זיין אין נאקין פון דיינע פיינט. צוא וועלכע מלחמה דארף מען האלטען דיא האנט קעגין נאקין ודאס הייסט קעגין אקסילו. דאס איז נאר אז מען שיסט מיט אבויגען. רבי אלעזר זאגט דער ספר. משנה תורה ודער ספר דברים) ווערט גירופען ספר הישר. פאר וואס רופט מען איהם ספר הישר. ווייל אין איהם שטייט דער פסוק ועשית הישר והטוב בעיני ה'. אונ וואו שטייט אין ספר דברים אז דער שבט יהודה וועט מלחמה האלטען מיט בויגנס. ווארום משה רבינו האט גזאגט צום שבט יהודה ידיו רב לו (זיינע הענט זאלין זיך קריגען פאר איהם). צו וועלכע מלחמה דארף מען ביידע הענט. דאס איז אז מען שיסט מיט אבויגען. רבי שמואל בר נחמני זאגט דער ספר שופטים ווערט גירופען דער ספר הישר. פאר וואס רופט מען דעם ספר שופטים ספר הישר: ווייל אין איהם שטייט אין דיא צייטען איז ניט געוועזן קיין מלך בייא יודען איש הישר בעיניו יעשה. וואו שטייט אין ספר שופטים אז מען וועט מלחמה האלטען מיט בויגנס. עס שטייט אין פסוק דיא דורות פון יודען זאלין וויסען צוא לערנען מלחמה. וועלכע מלחמה דארף מען לערנען. דאס איז צוא שיסען מיט אבויגען. אונ פון וואנען ווייסען מיר אז דם מיינט מען דעם שבט יהודה: ווארום עס שטייט אין פסוק ווער וועט אויף גיין פון אונזערט וועגין צוא ערשט צוא דעם כנעני מלחמה צו האלטען מיט איהם. האט גאט גזאגט יהודה זאל זיין

ויאמר ה' יהודה יעלה, (ש"ס ס) וירם הטבח את השוק והעליה וישם לפני שאול מאי והעליה רבי יוחנן אמר השוק והאליה ואמאי קרי ליה והעליה משום דמסמכא שוק לאליה ר' אלעזר אמר חזה ושוק ומאי והעליה דמחית ליה לחזה עילוי שוק כי בעי אנופי ומנפי ליה ר' שמואל בר נחמני אמר שוק ושופי מאי והעליה משום דשופי עילוי שוק קאי:

(שם ע"ב) **ת"ר** ישראל שנזדמן לו עכו"ם בדרך טופלו לימינו רבי ישמעאל בנו של רבי יוחנן בן ברוקה אומר בסייף טופלו לימינו במקל טופלו לשמאלו היו עולים במעלה או יורדים בירידה לא יהא ישראל למטה ועכו"ם למעלה אלא ישראל למעלה ועכו"ם למטה ואל ישוח לפניו שמא ירוץ את גלגלתו

כו ויאמר ה' יהודה יעלה אלמא סתם מלחמות דספרא איהודה קאי: וירם הטבח את השוק והעליה. משום פלוגתא דהני אמוראי גופייהו נקט לה: העליה. מה שעליה: דמסמכא שוק לאליה. השוק סמוך לאליה שהאליה מלמעלה ונשוכבה על השוק ושוק הוא עצם של צומת הגידין הממוצע בין קוליא לארכובה ואברים התחתונים סומכין את העליונים: דמחית. מניח חזה על השוק גבי חזה ושוק של שלמים בשעת תנופה. והיא סעודתא אע"ג דזבח היה דכתיב כי הוא יברך את הזבח לא הוה חזה ושוק דידהו לכהן דבמה קטנה הוה וקי"ל בפ' בתרא דזבחים חזה ושוק בבמה גדולה ואין חזה ושוק בבמה קטנה: שופי. כף הירך הסובב עצם הקוליא וקורין אותן פולפ"א: טופלו לימינו. מחברו לעכו"ם לימינו של ישראל שאם יבא העכו"ם להרגו ישלח ישראל יד ימינו ויאחז בו: בסייף. דאם היה הלבטים חגור סייף טופלו לימינו כדי שיהא יד שמאל של עכו"ם שהסייף חגור בו לצד ימינו של ישראל ומזומנת לימין ישראל לאחוז בה: במקל. אם ביד העכו"ם מקל טופלו ישראל לשמאלו שתהא יד ימין העכו"ם שהמקל בה סמוכה לישראל ואם ירים יד ימינו תאחוז שמאלו של ישראל במקל הסמוך לה דאי טופלו לימינו יהא המקל רחוק מידו של ישראל: במעלה. בהר או בסלע: לא יהא ישראל למטה. אלא למעלה בעליה ילך ישראל לפני העכו"ם דהיינו למעלה אלא שטופלו לימינו דלא הוי אחריו ממש ובירידה יוליך העכו"ם לפניו: ואל ישוח לפניו. אפי' במישור אל ישחה ישראל

דער ערשטער צו מלחמה האלטען מיט דעם כנעני · וועהן מיר אז די מלחמות פון ספר שופטים איז געוועז פון יהודה :

עס שטייט אין פסוק דער סארווער האט גענומען דיא פאלקע אונ אלץ וואס אויף איר איז געוועזן אונ ער האט דאס געלייגט פאר שאול · וואס איז געוועזן אויף דיא פאלקע · רבי יוחנן זאגט דער סארווער האט געגעבען פאר שאול דעם ווידיל אונ דיא פאלקע · פאר וואס רופט מען דאס אויף איר · וויל ווען דיא בהמה לעבט ליגט דער ווידיל אויף דיא פאלקע · רבי אלעזר זאגט ער האט איהם געגעבען דיא ברוסט אונ דיא פאלקע · פאר וואס רופט מען דס · אויף איר · וויל ביא שלמים ווען מען דארף אויף הייבען דיא ברוסט מיט דער פאלקע לייגט מען ארויף דיא ברוסט אויף דיא פאלקע אונ מען הייבט אויף · רבי שמואל בר נחמני זאגט ער האט איהם געגעבען דיא פאלקע אונ דיא שטיק פלייש וואס איז קיילעכדיג אזוי וויא א לעפיל · פאר וואס רופט מען דאס · אויף איר · וויל ווען דיא בהמה לעבט איז דיא קיילעכדיגע שטיק פלייש אויף דיא פאלקע :

ר תנו רבנן : דיא רבנן האבען געלערנט אז א יוד גייט אין וועג אונ א גוי טרעפט איהם אונ דער גוי וויל גיין מיט דעם יודען צוא זאמען · זאל דער יוד נעמען דעם גוי ביא זיין רעכטע זייט · טאמער וויל דער גוי דערהרגענען דעם יוד · וועט דער יוד איהם באלד צוא האלטען מיט זיין רעכטע האנט · רבי ישמעאל דער זוהן פון רבי יוחנן בן ברוקה האט געזאגט אויב דער גוי גייט מיט א שווערד אויף זיין לינקע זייט · זאל דער יוד נעמען דעם גוי צוא זיין רעכטע זייט · דער שווערד פון גוי זאל זיין נעבען דיא רעכטע האנט פון דעם יוד · טאמער וועט דער גוי וועלין נעמען דיא שווערד וועט איהם דער יוד באלד ניט לאזין · אונ אויב דער גוי האלט א שטעקין אין זיין רעכטע האנט · זאל דער יוד נעמען דעם גוי צוא זיין לינקע זייט · דיא רעכטע האנט מיט דעם שטעקין פון גוי זאל זיין נעבין דיא לינקע האנט פון יודען · טאמער וויל דער גוי אויף הייבין זיין רעכטע האנט מיט דעם שטעקין וועט דער יוד איהם פאר האלטען דער וויל מיט זיין לינקע האנט · אז דער יוד מיט דעם גוי דארפין גיין ארויף בארג · זאל גיין פריער דער יוד אונ ביא זיין רעכטע זייט א ביסול פון אינטען זאל גיין דער גוי · אונ אז זייא דארפין גיין אראפ בארג · זאל גיין פריער דער גוי אונ אינטער איהם פון הויבין זאל גיין דער יוד · אונ דער יוד זאל

גלגלתו שאלו לאן אתה הולך ירחיב לו את הדרך כדרך שעשה יעקב אבינו לעשו דכתיב (בראשית לג) עד אשר אבא אל אדני שעירה וכתיב (שם) ויעקב נסע סכותה ומעשה בתלמידי רבי עקיבא שהיו הולכין לכזיב ופגעו בהן לסטים ואמרו להיכן אתם הולכין א"ל לעכו כיון שהגיעו לכזיב פרשו א"ל תלמידים של מי אתם א"ל תלמידים של ר"ע אמר להן אשרי ר"ע ותלמידיו שלא פגע בהן אדם רע מעולם רב מנשה הוה אזיל (דף כו) לבי תורתא פגעו בו גנבי אמרו לו להיכן אתה הולך אמר להן לפומבדיתא כי כטא לבי תורתא פירש אמרו ליה תלמידא דיהודה רמאה את אמר להו ידעיתו ליה ליהוו הנך אינשי בשמתא אזלו עבוד גניבתא עשרין ותרתין שנין ולא אצלחו כיון דחזו אתו כלהו תבעו שמתייהו הוה בהו חד גרדנא לא אתא לשרויה שמתיה אכליה אריא והיינו דאמרי אינשי גרדנא דלא טייזא שתא בצרה משני תא חזי מה בין גנבי דבבל ללסטים דא"י

ישראל לפני העכו"ם ליטול כלום : במה יכון . ירוצן : ירחיב לו את הדרך . אם היה צריך לו לילך עד פרסה יאמר שני פרסאות אני רוצה לילך במה ימתין העכו"ם מלהכותו עד פרסה שניה וזה יפרוש ממנו קודם לכן : נסע סכותה . ולא הלך עד שעיר : לכזיב . ישראל היו : לעכו . רחוקה מכזיב : לבי תורתא . מקום : תלמידא דיהודה רמאה את . תלמידו של רב יהודה הוא וקרי ליה רמאי כלומר ממנו למדת לרמותנו : ידעיתו ליה . שהוא רמאי : בשמתיה . לפי שאדם גדול הוה והיינה שמתיה לייטינהו בשמתיה : גרדנא . (גרדי) אורג : דלא טייזא . ענין הוא גרדי אין לו בושת פנים : משני . במהיך שהוא סרבן יד כל בו והורגין אותו : גנבי דבבל . שפגעו בו ברב מנשה נהפקרו

זאל זיך ניט איינבייגן פאר דעם גוי . טאמער וועט דער גוי איהם צוא האקן דעם קאפ ; אויב דער גוי פרעגט דעם יודין ביז וויא ווייט ער גייט . זאל דער יוד דער ווייטערין דעם וועג . למשל אויב דער יוד דארף גיין אמייל זאל ער זאגין איך דארף גיין צווייא מייל . ווארום אויב דער גוי טראכט שלעכץ צוא טאהן דעם יודין . וועט זיך דער גוי ניט איילין . דער וויל וועט זיך ענדיגען זיין וועג אונ ער וועט אוועק גיין פון גוי . אזוי וויא יעקב אבינו האט גיטאהן צו עשו . יעקב האט גזאגט צוא עשו ביז איך וועל קומען צוא מיין הערר אין שעיר . אונ יעקב האט גיצויגען אין סכות . אונ אין שעיר איז ער גאר ניט גיקומען :

עס האט אמאהל גיטראפען די תלמידים פון רבי עקיבא זענען גיגאנגען צוא דיא שטאט כזיב . האבין גזלנים זייא בגעגינט . האבען דיא גזלנים גזאגט צוא דיא תלמידים וואו הין גייט איר . האבען דיא תלמידים גזאגט מיר גייען צו דיא שטאט עכו ודאס איז ווייטער ווי כזיב . וויא זייא זענען גיקומען אין דיא שטאט כזיב . זענען דיא תלמידים געבליבען אין כזיב אונ זייא האבען גזאגט צוא דיא גזלנים ווייטער דארפין מיר ניט גיין . האבען דיא גזלנים גזאגט צוא דיא תלמידים וועמעס תלמידים זענט איר . האבען דיא תלמידים גזאגט מיר זענען דיא תלמידים פון רבי עקיבא . האבען דיא גזלנים גזאגט וואוהל צו רבי עקיבא מיט זיינע תלמידים . ואס זייא האט קיין מאהל קיין שלעכטער מענטש קיין שלעכטס גיטאהן . רב מנשה איז אמאהל גיגאנגען צו דיא שטאט תורתא . האבען איהם בגעגינט גנבים . האבען די גנבים גזאגט צוא רב מנשה וואו הין גייסטו . האט רב מנשה גזאגט איך גייא צוא פומבדיתא ודס איז ווייטער וויא תורתא וויא רב מנשה איז געקומען אין תורתא איז ער דארט געבליבען . האבען דיא גנבים גזאגט צוא רב מנשה דוא מוזט זיין אתלמיד פון דעם פאלשין יהודה . האט רב מנשה גזאגט צו די גנבים איר קענט דען מיין רבי רב יהודה אז ער איז אפאלשער . איר זאלט זיין אין חרם . צווייא אונ צוואנציג יאהר זענען זייא גיגאנגען גנבנן אונ האבען קיין גליק ניט גיהאט . וויא דיא גנבים האבען גיזעהן אז עס איז אזוי . זענען אלע גיקומען צוא רב מנשה ער זאל זייא מתיר זיין דעם חרם . איין וועבער איז גיוועזן צווישען דיא גנבים וואס ער איז ניט גיקומען צוא רב מנשה ער זאל איהם מתיר זיין דעם חרם האט אים אלייב אויף גיגעסין . דאס איז וואס מענטשין זאגין דער וועבער וויל ער איז ניט נידעריג ביא זיך . פעלט איהם יאהרין פון זיינע יאהרין . זאגט דיא גמרא קום אונ זעה דעם אונטערשייד פון דיא גנבים וואס אין בבל צו דיא גזלנים וואס אין ארץ ישראל . דיא גנבים פון בבל קם

דארץ ישראל:

(דף כז) ז איתמר מנין למילה בנכרי שהיא פסולה דרו בר פפא משמיה דרב אמר (בראשית יז) ואתה את בריתי תשמור ור' יוחנן אמר המול ימול מאי בינייהו וכו' איכא בינייהו אשה למ"ד ואתה את בריתי תשמור ליכא דאשה לאו בת מילה היא ולמ"ד המול ימול איכא דאשה כמאן דמהילא דמיא ומי איכא למ"ד אשה לא והכתיב (שמות ד) ותקח צפורה צור קרי ביה ותקח והכתיב ותכרות קרי ביה ותכרת דאמרה לאינש אחרינא ועבד ואי בעית אימא אתאי איהי ואתחלה ואתא משה ואגמרה:

(ע"ב) ח כתיב (מלכים ב ז) אם אמרנו נבוא העיר והרעב בעיר ומתנו שם וגו' והא איכא חיי שעה אלא לחיי שעה לא חיישינן מיתיבי לא ישא ויתן אדם עם

להרף אדם גדול ולסטים דא"י שפגעו בתלמידי דרבי עקיבא ספרו בשבחו ואע"ג שהם לסטים פרוצים מגנבים להודיעך שבחה כל ארץ ישראל: המול ימול. וקרי ביה המל ימול מי שהוא מהול ימול אחרים: ותקח. על ידי שליח: ותכרת. אמרה לאחר וכרת: אם אמרנו נבוא העיר. בארבעה אנשים מצורעים כתיב אם אמרנו נבא העיר והרעב בעיר ומתנו שם ואם ישבנו פה ומתנו. ועתה לכו ונפלה אל מחנה ארם אם יחינו נחיה ואם ימיתנו ומתנו: והא איכא חיי שעה. שמא ימיתום מיד: לא

זייא האבען בַגעגינט דעם רַב מְנַשֶׁה האבען געזידולט אַזוי אַגרויסען מאַן וויא רַב יְהוּדָה. אונ דיא גַזְלָנִים פון אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וואס גַזְלָנִים זענען ערגער וויא גַנָבִים וואס זייא האבען בַגעגינט דיא תַּלְמִידִים פון רַבִּי עֲקִיבָא האבען נאך געלויבט רַבִּי עֲקִיבָא:

ז אִיתְמַר. מיר האבען גילערונט פון וואנען ווייסען מיר אַז אַעכו"ם איז פְּסוּל מל צו זיין אַקינד. דָרוּ בַּר פָּפָּא האט גיזאגט פון רַבס וועגין עס שטייט אין פָּסוּק דוא זאלסט היטען מיין בְּרִית. דער וואס גאט האט מיט איהם גימאכט אַפאר בינדונג דאס מיינט מען וועמען גאט האט גיבאטין ער זאל זיך מל זיין. דער מעג מל זיין איין אַנדערין אויך. אונ דער וואס גאט האט איהם ניט גיבאטען ער זאל זיך מל זיין. דער טאר ניט מל זיין איין אַנדערין. רַבִּי יוֹחָנָן זאגט עס שטייט אין פָּסוּק הִמּוֹל יִמּוֹל. דער וואס איז אַליין גימַלְת. מעג מל זיין איין אַנדערען. אונ דער וואס איז אַליין ניט גימַלְת. טאר ניט מל זיין איין אַנדערין. וואס איז דער חילוק צווישען רַב אונ רַבִּי יוֹחָנָן. דער חילוק איז אויב אַאִשָּׁה מעג מל זיין: דער וואס זאגט פון פָּסוּק דוא זאלסט היטען מיין בְּרִית. טאר ניט אַאִשָּׁה מל זיין. ווארום מיט איהר האט דאך גאט ניט גימאכט קיין פאר בינדונג אויף מל צו זיין. אונ דער וואס זאגט פון פָּסוּק הִמּוֹל יִמּוֹל. מעג אַאִשָּׁה מל זיין. ווארום אַאִשָּׁה איז גלייך וויא זיא איז גימַלְת. פרעגט דיא גְמָרָא איז דען דא ווער עס זאל זאגין אַז אַאִשָּׁה טאר ניט מל זיין. עס שטייט דאך אין פָּסוּק וַתִּקַח צִפּוֹרָה צוֹר צִפּוֹרָה האט גינומען אַשארפען מעסער אונ האט מל גיוועזן איהר זוהן. ענטפערט דיא גְמָרָא צִפּוֹרָה האט ניט מל גיוועזן נאר איין אַנדערער האט דעם קינד מל גיוועזן. אונ זאלסט ניט לייענען וַתִּקַח צִפּוֹרָה. צִפּוֹרָה האט גינומען. נאר זאלסט לייענען וַתַּקַח צִפּוֹרָה. צִפּוֹרָה האט גיהייסען איין אַנדערין ער זאל נעמען אַמעסער אונ מל זיין דעם קינד. פרעגט דיא גְמָרָא עס שטייט דאך אין פָּסוּק וַתִּכְרוֹת. זיא האט אָפּ געשניטען. ענטפערט דיא גמרא לייען וַתַּכְרֵת. עס איז אָפּ געשניטען גיווארען. צִפּוֹרָה האט גיזאגט צו איין אַנדער מענטש אונ ער האט מל גיוועזן דעם קינד. אונ אַז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין צִפּוֹרָה איז גיקומען אונ האט אָן גיהויבין מל צו זיין. אונ משֶׁה איז גיקומען אונ האט גיענדיגט דאס מל זיין:

ח כְּתִיב. עס שטייט אין פָּסוּק פיר קרעציגע מענטשין זענען גיוועסין אין טויער פון שׁוֹמְרוֹן. אונ זייא האבען גיזאגט אויב מיר וועלען אַריין קומען אין שטאט דארט איז אַהונגער וועלין מיר דארט שטארבין. אויב מיר וועלין דא זיצען וועלין מיר אויך שטארבין. נאר מיר וועלען גיין צו דיא מַחֲנֶה פון אֲרָם. אויב זיי וועלען אונז לאזען לעבין וועלין מיר לעבין אונ אויב זייא וועלען אונז הַרְגְנֶן וועלין מיר זיין גיהַרְגֶת. איז דאך דיא קַשְׁיָא וויא אַזוי האבין זיי גיוואלט גיין צו דיא מַחֲנֶה אֲרָם. טאמער וועט מען זייא באלד הַרְגֶנֶן. אונ אַז זייא וועלען זיצען דא

עם המינין ואין מתרפאין מהן אפילו לחיי שעה ומעשה בבן דמא בן אחותו של רבי ישמעאל שהכישו נחש ובא יעקב איש כפר סכניא לרפאותו ולא הניחו ר' ישמעאל אמר ישמעאל אחי הנח לי ואתרפא ממנו ואני אביא לך מקרא מן התורה שהוא מותר ולא הספיק לגמור הדבר עד שיצאה נשמתו ומת קרי עליה רבי ישמעאל אשריך בן דמא שגופך טהור ונשמתך יצאה בטהרה ולא עברת על דברי חבריך שהיו אומרים (קהלת י) ופורץ גדר ישכנו נחש שאני מינות דמשכא דאתי למימשך בתרייהו אמר מר ולא עברת על דברי חבריך שהיו אומרים ופורץ גדר ישכנו נחש איהו נמי חויא טרקיה חויא דרבנן קאמר דלית ליה אסותא מאי הוה ליה למימר ליה

כדאמר רב נחמן בר יצחק

הייזק . שאיל וסופו למות כאן : מקרא מן התורה . לקמן מפרש ליה : עד שיצאה נשמתו . במותר : ויצאה נשמתך בטהרה . במותר : ופורץ גדר ישכנו נחש . עובר על דברי חכמים ישכנו נחש ולקמן פריך הא איהו חויא טרקיה והיה יכול להתרפאות להנצל ולהחיות על ידי זה ולחויא דרבנן נמי לא ניחוש שאילו נשכו היה יכול להתרפאות ומשני חויא דרבנן לית ליה אסותא בעקימן עק לא עקרב ולהיסתן לחיסה טרף ונית ליה אסותא כלל שאם נשכו נחש בשביל שעבר על דברי חכמים לא תעלה לו רפואה וימות ואם היה מתרפא מנשיכה זו סופו למות ע"י נשיכת הכריו שהעובר על דברי חכמים חייב מיתה : מאי הוה ליה . לבן דמא למימר איזה מקרא היה רוצה לכבית : בפרהסיא . יש מינות בפרהסיא שהולא למון ולמדין כימנו נתלל

וועלין זיי דאך נאך אביסול לעבין ; נאר אביסול לעבין ווא ער וייס ער וועט געוויס שטארבין , איז דאס ביי אמענטשין אקליינע זאך . מיט דעם ביסול לעבין אן דעם ביסול לעבין עס איז ביי איהם אלץ איינס יא אדער ניין . פרעגט דיא גמרא מיר האבין גירערונט אמענטש זאל ניט האנדלין מיט דיא אפיקורסים . אונ אויב דער אפיקורוס איז אדאקטאר טאר מען זיך ניט היילען פון איהם . אפילו נאר צו לעבין אקליינע ביסול טאר מען אויך ניט גיהיילט ווערין פון דעם אפיקורוס . אונ עס האט אמאהל גיטראפען ביי'א בן דמא וואס ער איז גיוועזן דער זוהן פון רבי ישמעאלס שוועסטער וואס אשלאנג האט איהם אביס גיטאהן . איז גיקומען דער אפיקורוס יעקב פון דארף סכניא אונ האט איהם גיוואלט היילען . האט רבי ישמעאל ניט גילאזין ; האט בן דמא גיזאגט צו רבי ישמעאל . ישמעאל מיין ברודער לאז מיך גיהיילט ווערין פון דעם יעקב ; איך וועל דיר ברייגנען אפסוק פון דער תורה אז מען מעג גיהיילט ווערין פון איהם . אונ בן דמא האט קיין צייט גיהאט ארויס צו זאגין דעם ווארט מותר ומען מעגו אונ ער איז גישטארבין . האט רבי ישמעאל אויף איהם גיזאגט וואהל צו דיר בן דמא דיין גוף איז ריין אונ דיין נשמה איז ארויס גיגאנגען פון דיר מיט ריינקייט . מיט דעם ווארט מותר . אונ דוא האסט ניט עובר גיוועזן אויף די רייד פון דיינע חברים וואס זיי זאגין ופורץ גדר ישכנו נחש . דער וואס צו ברעכט דעם צאם דאס מיינט מען ער האלט ניט דיא רייד פון דיא תלמידי חכמים וואס זייא האבען ארום גיצאמט דיא תורה וועט איהם בייסען אשלאנג . דריבער ווען אפילו בן דמא וואלט גיהיילט גיווארען פון דעם שלאנג וואלט איהם געביסען איין אנדער שלאנג ; איז דאך דאס נאר אהיילונג צום לעבין אקורצע צייט אונ רבי ישמעאל האט ניט גילאזט ער זאל גיהיילט ווערין זעהן מיר דאך אז אלעבונג פון אקורצע צייט הייסט אויך גילעבט . ענפערט די גמרא אלעבונג פון אקורצע צייט איז טאקי גאר ניט ; נאר רבי ישמעאל האט מורא גיהאט אז בן דמא וועט גיזונד ווערין דורך דעם אפיקורוס . וועט ער זיך נאך ציהען צו אפיקורסות . ווייל דיא אפיקורסים מיט זייערע גוטע רייד ציהען זיי געשווינט צו מענטשין צו זייערע אפיקורסות . פרעגט דיא גמרא רבי ישמעאל האט גיזאגט אויף בן דמא דוא האסט ניט עובר גיוועזן אויף דיא רייד פון דיינע חברים וואס זיי זאגין דער וואס צו ברעכט דעם צאם וועט איהם בייסען אשלאנג ; איצט האט דאך איהם אויך געביסען אשלאנג . אונ דער יעקב האט איהם גיוואלט אויס היילען . וואלט ער איהם פון יענעם שלאנג אויך אויס גיהיילט . ענפערט דיא גמרא רבי ישמעאל מיינט דעם שלאנג וואס בייסט ווייל מען האט עובר גיוועזן אויף די רייד פון די חכמים ; פון דעם ביס קען מען ניט גיהיילט ווערין . פרעגט דיא גמרא וואס האט גיוואלט בן דמא זאגין צו רבי ישמעאל . ענפערט די גמרא אזוי וויא רב נחמן בר יצחק האט גיזאגט עס שטייט אין פסוק דאס וועגען די מצות וואס

יצחק(ויקרא יח)וחי בהם ולא שימות בהם ור"י ה"מ בצנעא אבל בפרהסיא לא דתניא היה ר' ישמעאל אומר מנין שאם אומרים לו לאדם עבוד ע"ז ואל תהרג שיעבור ואל יהרג שנאמר וחי בהם ולא שימות בהם יכול אפי' בפרהסיא ת"ל (שם כב) ולא תחללו את שם קדשי וגו' :

(פה האריכו בגמרא על המשנה בענין רפואות במאמרים רבים ולא ראיתי להעתיקם יעיין שם) :

(דף כח) ט אריב"ל מעלין אונקלי בשבת מאי אונקלי א"ר אבא אסטומכא דליבא מאי אסותא מייתי כמונא כרוייא וניניא ואגדנא וציתרי ואבדתא, לליבא בחמרא וסימנך (תהלים קד) ויין ישמח לבב אנוש , לרוחא במיא וסימנך (בראשית א) ורוח אלהים מרחפת על פני המים. לכודא בשיכרא וסימנך (שם כ) וכדה על שכמה . רב אחא בריה דרבא שחיק להו לכולהו בהדי הדדי ושקיל ליה מלא ה' אצבעתיה ושתי ליה רב אשי שחיק כל חד וחד לחודיה ושקיל מלא אצבעתיה רבתי ומלא אצבעתיה זוטרתי

בקדושת השם :
אסטומכא דליבא. דופני בשר שתחת הלב וזהו טרפשא . ל"א הניך שכנגד הלב שקורין ניבל"א ופעמים שנכפף לצד פנים ומעכב הנשימה וזה עיקר : כמונא כרוייא. כמין קף אגרוף : נניא. מינט"א : אגדנא. עשב מר וזהו מרובי"א : ציתרי. שדרי"ה : אבדתא. אזוב : לליבא בחמרא. לאסטומכא דליבא ישתם. אלו ביין : לרוחא. לשהפת שמחמת רוח ישתם אלו במים : לכודא. חולי אשה יולדת ומלטנת על המשבר : שכמה. דומה היבה זו לשברא בב' אותיות : מלא ה' אצבעתיה. מלא ידו : מלא

אמענטש זאל זייא טאהן אונ ער זאל לעבין דורך זיי. אבער ניט ער זאל שטארבין דורך זיי. אונ רבי ישמעאל זאגט דאס איז נאר אין דר שטיהל אבער ניט ווען אלע ווייסען. ווארום מיר האבען גילערונט רבי ישמעאל האט גיזאגט אויב מען זאגט צו אמענטשין דיען עבודה זרה וועסטו ניט גיהרגת ווערין. פון וואנען וויים איך אז ער זאל דינען עבודה זרה נאר ער זאל ניט גיהרגת ווערין. ווארום עס שטייט אין פסוק ער זאל לעבין דורך דיא מצות אבער ניט ער זאל שטארבען דורך זייא. וואלט איך מיינען אפילו ווען מענטשין זעהן זאל ער אויך מעגין דינען עבודה זרה. שטייט אין פסוק איהר זאלט ניט פראסט מאכען מיין היילינגען נאמען. ווען די מעשה פון בן דמא וואלט גיוועזען אין דער שטיל. וואלט ער זיך גימעגט היילען פון דעם אפיקרוס. נאר ווייל פיל יודין האבין גיוואוסט. דריבער האט ער ניט גיטארט :

ט אמר. רבי יהושע בן לוי האט גיזאגט מען מעג אויף הייבען דעם אונקלי אום שבת : וואס איז אונקלי. רבי אבא זאגט אין מויל נעבין האלדז איז דא אקליינער צינגול אז דער צינגול ווערט פאר בויגין אינוויינינג אריין צום הארצין פאר האלט דאס דעם אטעם פון הארצען. אויב דער צינגול האט זיך פאר בויגין אום שבת מעג מען איהם צוריק אויס גלייכען. אנדערע זאגין אין הארצען ווערין פאר שטאפט דיא לופטין קען ער ניט אפ ציהען דעם אטעם: וואס איז דיא רפואה. ער זאל נעמען אפוקע האנט כמונא אונ ניניא אונ אגדנא אונ ציתרי אונ אבדתא. אז די לופטען פון הארצען זענען איהם פאר שטאפט גיווארען. זאל ער די אלע גראזען ווייקען אין ויין אונ זאל טרינקען דיא ויין. דער סימן איז ויין דער פרייט די הארץ פון מענטשין. צוא געשווילאכץ זאל ער די אלע גראזין ווייקען אין וואסער אונ זאל טרינקען די וואסער. דער סימן איז דער פסוק דער ווינט פון גאט שוועבט אויף דעם וואסער. ווארום דאס געשווילאכץ קומט אויך פון לופט. איין אשה אגעווינערין וואס עס ווערט איהר קאלט. זאל מען דיא אלע גראזען ווייקען אין ביער אונ זיא זאל טרינקען דאס ביער. דאס קעלט פון דיא געווינערין הייסט כודא. איז דער סימן דער פסוק וכדה על שכמה. דיא אשה וואס האט קעלט בייא איהר געווינען וואס מען רופט דאס כודא זאל זיא טרינקען שכרא. דיא ערשטע צוויי אותיות פון שכרא זענען דיא זעלביגע צווייא אותיות פון שכמה. רב אחא בריה דרבא האט אויס געמישט דיא אלע גראזין בעזאמען אונ האט גענומען אפוקע האנט מיט אלע פינף פינגער צוא זאמען אונ האט דאס איין געווייקט אין ויין אונ האט גיטרונקען. רב אשי האט צו שטויסען יעדער גראז בזונדער אונ האט גענומען פון יעדער גראז אביסול מיט דעם גראבין פינגער אונ אביסול מיט דעם

זוטרתי אמר רב פפא אנא עבדי לכל הני ולא איתסאי עד דא"ל ההוא טייעא אייתי כוזא חדתא ומליא מיא ורמי ביה תרוודא דדובשא ותלי לה בי כוכבי למחר אישתי עבדי הכי ואיתסאי:

(ע"ב) **י משנה** שאל רבי ישמעאל את ר' יהושע כשהיו מהלכין בדרך מפני מה אסרו גבינת עכו"ם א"ל מפני שמעמידין אותו בקיבת עגלים של ע"א א"ל א"כ מפני מה לא אסרו בהנאה השיאו לדבר אחר א"ל ישמעאל אחי היאך אתה קורא (ש"ה א) כי טובים דודיך מיין או כי טובים דודיך א"ל כי טובים דודיך מיין א"ל אין הדבר כן שהרי חבירו מוכיח עליו לריח שמניך טובים וגו':

(דף לג) **יא ותרם** הדריאני מאי הדריאני אמר רב יהודה אמר שמואל חרס של אדריאנוס קיסר כי אתא רב דימי אמר קרקע בתולה היתה שלא

אצבע רבה ומלא אצבע זוטרא. שיכול לאחוז בזרת וגודל יחד: כוזא. כלי קטן: תרוודא. מלא כף: בי כוכבי. תחת הכוכבים בחצר:

כי טובים דודיך מיין: לשון זכר או כי טובים דודייך מיין לשון נקבה והכי קאמרה כנסת ישראל ישקני [illegible] מנשיקות פיהו כי כך אמר לי כי טובים דודייך מיין: חבירו מוכיח עליו. משמע לשון זכר וכנסת ישראל היא שאמרה כך לפני שכינה לריח שמניך וגו' עלמות אהבוך לא שייך למימר לנקבה:

של אדריאנוס קיסר. כשיוצא בגייסות מוליכן עמו: בתולה שלא נעבדה. והיה כל כחה קיים והוציאתו

קְלֶענְסְטִין פִינְגֶער. אוּנ הָאט דָאס גֶעוֶוייקְט אִין וַויין אוּנ הָאט גִיטְרוּנְקֶען. רַב פָּפָּא זָאגְט אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט דִיא אַלֶע זַאכֶען אוּנ בִּין נִיט גִיהֵיילְט גִיוָוארֶען. בִּיז אַטֶערְק הָט מִיר גְזָאגְט נֶעם אַקְלֵיינֶעם קְרִיגוּל אַנַייֶעם. אוּנ גִים אִיהם אָן פוּל מִיט וַואסֶער. אוּנ לֵייג אַרַיין אִין דִיא וַואסֶער אַלֶעפִּיל הָאנִיק. אוּנ אֵיינְג אוֹיף דֶעם קְרִיגוּל אוֹיף עֶפֶּעס אִין הוֹיף אָדֶער אוֹיף דִיא גַאס. אוּנְטֶער דִיא שְׁטֶערִין פוּן הִימֶעל זָאל עֶר אֵיינֶגֶען אַגַאנְצֶע נַאכְט: אוֹיף מָארְגִין זָאלְסְטוּ דָס טְרִינְקֶען. אִיךְ הָאבּ אַזוֹי גִיטְאהֶן אוּנ בִּין גִיהֵיילְט גִיוָוארִין:

י שָׁאַל. וֶוען רַבִּי יִשְׁמָעֵאל מִיט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אִין וֶועג. הָט רַבִּי יִשְׁמָעֵאל גִיפְרֶעגְט בַּייא רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ. פַאר וָואס הָאט מֶען גִיאַסֶרְת מֶען זָאל נִיט עֶסִין דִיא קֶעז פוּן דִיא גֶעצִין דִינֶער. הָאט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ גְזָאגְט צוּ רַבִּי יִשְׁמָעֵאל וַוייל מֶען הָאט גֶעזַייעֶרְט דִי מִילְךְ מִיט דִי מִילְךְ וָוס מֶען הָט גְפוּנֶען אִין דֶעם מַאגְען פוּן דִי קַאלְבּ וָוס מֶען הָאט אִיר מַקְרִיב גִיוֶוען צוּא דִיא עֲבוֹדָה זָרָה. הָאט רַבִּי יִשְׁמָעֵאל גְזָאגְט צוּ רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ. אוֹיבּ דֶער אִיסוּר אִיז פוּן עֲבוֹדָה זָרָה. פַאר וָואס הָאט מֶען נִיט גְזָאגְט אַז דִיא קֶעז פוּן דִיא גֶעצִין דִינֶער טָאר מֶען פוּן זֵייא קֵיין הֲנָאָה נִיט הָאבֶּען. אַזוֹי וִויא פוּן דִיא עֲבוֹדָה זָרָה אַלֵיין. הָאט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אָן גִיהוֹיבֶּען צוּ רֵייךֶען מִיט רַבִּי יִשְׁמָעֵאל פוּן אַיין אַנְדֶער זַאךְ אוּנ עֶר הָאט אִיהם נִיט גִיוָואלְט זָאגֶען פַאר וָואס דִיא קֶעז פוּן אַגֶעצִין דִינֶער אִיז אָסוּר. הָאט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ גְזָאגְט צוּ רַבִּי יִשְׁמָעֵאל. יִשְׁמָעֵאל מַיין בְּרוּדֶער וִויא לֵייעֶנְסְטוּ דֶעם פָּסוּק כִּי טוֹבִים דוֹדֶיךָ מִיָּיִן. דִיא יוּדִין זָאגֶען צוּא גָאט דַיין פְרַיינְדְשַׁאפְט אִיז בַּיי אוּנְז בֶּעסֶער וִויא וַויין: דוֹדֶיךָ. דַיין פְרַיינְדְשַׁאפְט זָאגְט מֶען צוּא גָאט. אָדֶער דוּא לֵייעֶנְסְט כִּי טוֹבִים דוֹדַיִךְ מִיָּיִן. דִיא יוּדִין זָאגֶען צוּא גָאט. דוּא הָאסְט אַמָאהל גְזָאגְט צוּא אוּנְז אַז אוּנְזֶערֶע פְרַיינְד שַׁאפְט צוּא דִיר אִיז בֶּעסֶער וִויא וַויין. אוּנ דוֹדַיִךְ זָאגְט מֶען צוּ דִיא יוּדֶען. הָאט רַבִּי יִשְׁמָעֵאל גְזָאגְט צוּ רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אִיךְ לֵייעֶן כִּי טוֹבִים דוֹדַיִךְ. הָאט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ גְזָאגְט צוּא רַבִּי יִשְׁמָעֵאל דִיא זַאךְ אִיז נִיט אַזוֹי. וָוארוּם דֶער אַנְדֶערֶער פָּסוּק לֶערוּנְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק אַז מֶען זָאל לֵייעֶנֶען דוֹדֶיךָ. וָוארוּם אִין אַנְדֶערִין פָּסוּק שְׁטֵייט לְרֵיחַ שְׁמָנֶיךָ טוֹבִים. לֵייעֶנְט מֶען שְׁמָנֶיךָ. יוּדֶען זָאגֶען צוּא גָאט דֶער רֵיחַ פוּן דַיינֶע אֵייל אִיז גוּט. אַזוֹי בַּארְף מֶען לֵייעֶנֶען דוֹדֶיךָ. יוּדֶען זָאגֶען צוּא גָאט דַיין פְרַיינְדשַׁאפְט אִיז בַּייא אוּנְז בֶּעסֶער וִויא וַויין:

יא וְתֶרֶם אַדְרִיאַנִי. וָואס אִיז הַדְרִיאַנִי. הָאט רַב יְהוּדָה גְזָאגְט פוּן שְׁמוּאֵלְס וֶועגִין דִי שֶׁארְבִּינְס פוּן דֶעם קֵיסַר אַדְרִיאַנוּס. אַז רַב דִימִי אִיז גֶעקוּמֶען הָאט עֶר גְזָאגְט מֶען הָאט אוֹיס גֶעזוּכְט אַזוֹי אַשְׁטִיק עֶרְד וָואס מֶען הָאט אִיר קֵיין מָאהל נִיט גִיגְרָאבֶּען אוּנ נִיט גִיזַייט. הָט

שלא עבדה אדם מעולם עבדה ונטעה ורמא ליה לחמרא בגולפי חיורי ומייצי להו לחמרייהו ומתברי להו בחספי ודרו בהדייהו וכל היכא דמטו תרו להו ושתו :

(דף לה) **יב פיסקא** חשיאו לדבר אחר . מאי כי טובים דודיך מיין כי אתא רב דימי אמר אמרה כנסת ישראל לפני הקב"ה רבש"ע ערבים עלי דברי דודיך יותר מיינה של תורה מאי שנא האי קרא דשייליה א"ר שמעון בן פזי ואיתימא ר ש בר אמי מרישא דקרא קאמר ליה ישקני מנשיקות פיהו א"ל ישמעאל אחי חשוק שפתיך זו בזו ואל תבהל להשיב מ"ט אמר עולא ואיתימא רב שמואל בר אבא גזרה חדשה היא ואין מפקפקין בה אמאי לא אמרה ליה

כיין זה ונעשה חזק: גולפי. כלי חרס: חיורי. חדשים דמייני : ודרו בהדייהו . משאין עמהם : תרו להו . שורין אותם במים :

דברי דודיך . דברי סופרים : מיינה . עיקר תורה בכתב : חשוק שפתותיך . כדמתרגמינן והשוקיהם וכיבושיהם : ואל תבהל להשיב אל ת דקדק להקשות לו : גזרה חדשה . מקרוב גזרו על הגבינה : ואין מפקפקין בה . ואין מפרשין טעמא כדפרש ואזיל . מפקפקין לשון

אדריאנוס גיהייסען מען זאל האקערין דיא ערד אונ מען זאל אין איר פלאנצען ווינשטאקין : אונ מען האט אזוי גיטאהן . אונ דיא ויין פון דיא ווינשטאקין האט מען אריין גיגאסען אין ערדענע פעסער ווייסע . האבען דיא פעסער איין גיזאפט דיא ויין . דער נאך האט מען דיא פעסער צו בראכען אויף שארבינס . אונ דיא זעלכער האבען גיטראגען מיט זיך אין וועג דיא שארבינס . וואו דיא זעלכער זענען געקומען אונ האבען גיוואלט טרינקען ויין : האבען זייא דיא שארבינס אריין גילייגט אין וואסער . זענען דיא שארבינס צוא ווייקט גיווארען : דיא זאמד איז געבליבען אונטען . אונ דיא וואסער איז גיווארען מיט ויין אונ דאס האבען זייא גיטרונקען :

יב פיסקא . השיאו. פריער איז גישטאנען אז רבי יהושע האט אן גיהויבען צוא ריידען מיט רבי ישמעאל פון איין אנדער זאך . פון דעם פסוק כי טובים דודיך מיין . וואס מיינט מען כי טובים דודיך מיין . אז רב דימי איז געקומען האט ער גזאגט דיא יודען האבען גזאגט פאר גאט רבונו של עולם דיא רייד פון דיא רבנן וואס זייא זענען דיינע פריינד זענען מיר זיסער וויא דיא ויין פון דער תורה . וויא דיא רייד פון דער תורה . פרעגט דיא גמרא אז רבי יהושע האט נאר גיוואלט שמועסין מיט רבי ישמעאל פון איין אנדער זאך . פאר וואס האט ער אן גיהאפט דווקא דעם פסוק צוא ריידען פון איהם . האט רבי שמעון בן פזי גזאגט . אנדערע זאגן רבי שמעון בר אמי האט גזאגט רבי יהושע האט אן גיהויבען צוא שמועסין מיט רבי ישמעאל פון אנהייב פסוק ישקני מנשיקות פיהו רבי יהושע האט גזאגט צוא רבי ישמעאל . ישמעאל מיין ברודער דוא זאלסט פאר מאכען דיינע לעפצין איינעם צום אנדערין אונ דוא זאלסט דיך נים אײלין מיך אפ צוא פרעגין אויף דעם וואס איך האב דיר גזאגט נאר זאלסט אן נעמען דיינע רייד קושענדיג . אזוי וויא דיא תורה איז גיגעבין גיווארען צוא יודען קושענדיג . אזוי וויא דיא יודען האבען גיבעטין ישקני מנשיקות פיהו . גאט זאל מיך קושען פון דיא קושונג פון זיין מויל . טאמער וועסטו זאגין דאס איז נאר דיא תורה פון משה . האט רבי יהושע גיזאגט ווייטער דעם פסוק כי טובים דודיך מיין . אז דיא רייד פון דיא רבנן איז ליבער ביי גאט וויא דיא רייד פון דער תורה . דריבער זאלסטו אן נעמען דיא רייד פון דיא רבנן וואס זייא האבען גיאסרת דיא קעז פון דיא געציו דינער . פרעגט דיא גמרא פאר וואס האט ארך רבי יהושע נים גיוואלט זאגין צוא רבי ישמעאל דעם אמתין טעם פאר וואס די קעז פון דיא געצין דינער זענען אסור . האט עולא גזאגט אנדערע זאגין רב שמואל בר אבא האט גזאגט ווייל דאס איז אנייע גזרה טאר מען נים נאך גראבין נאך קלערין דעם טעם פאר וואס מען האט גוזר גיווען . פרעגט דיא גמרא פאר וואס האט רבי יהושע נים גיוואלט זאגין דעם טעם פון דער גזרה צו רבי ישמעאל ווען דאס איז אפילו אנייע . ענטפערט דיא גמרא אזוי וויא עולא האט גיזאגט אין ארץ ישראל אז מען איז גוזר אגזרה זאגט מען נים אויס דעם טעם פון דער גזרה ביז צוועלף חדשים . דאס

ליה משום דעולא דאמר עולא כי נזרו גזירה במערבא לא מיגלו טעמא עד תריסר ירחי שתא דלמא איכא איניש דלא סבירא ליה ואתי לזלזולי בה :

(ע"ב) יג דרש רב נחמן בר רב חסדא מ"ד (ש"ה א) לריח שמניך טובים למה ת"ח דומה לצלוחית של פלייטין מגולה ריחה נודף מכוסה אין ריחה נודף ולא עוד אלא דברים שמכוסין ממנו מתגלין לו שנאמר (שם) על כן עלמות אהבוך קרי ביה עלומות ולא עוד אלא שמלאך המות אוהבו שנאמר עלמות קרי ביה על מות אהבוך ולא עוד אלא שנוחל שני עולמות עולם הזה ועה"ב שנאמר עלמות קרי ביה עולמות :

(דף לח ע"ב) יד אמר רב תרי מיני שתיתאה שדר ליה ברזלי הגלעדי לדוד שנא' (ש"ב יז) משכב וספות וכלי יוצר וחטים ושעורים וקמח וקלי ופול ועדשים וקלי ת"ד

מסיטה. כדבר שהוא לפשטו בלעז סוריי"ר כמו מתפקק ונופל אתם מבינים : לא מגלו טעמא. אם נזרו עליו : דילמא איכא דלא סבירא ליה. כהוא טעמא ולא בדיל מיניה ומזלזל בה אבל כשהא דלא מגלו טעמא דמלתא בדילי מיניה כולי עלמא דסברי קמו רבנן במלתא דאתי מיניה תורבא ולאו כולא דלא בקיאין בטעמא :

מגולה ריחה נודף. וכיון דכתיב שמן תורק שמך כשמגלין אותה ומריקין שמנה כלומר כשאתה מלמד תורה לתלמידים אז יצא לך שם : מתגלין לו. מתגלין בלא טורח כשהוא מלמדה : על מות. הממונה על מות :

שתיתא. תבשיל כעשוי מקמח של קליות שיבשו בתנור ויש שעושין אותו מקמח עדשים ולפי שהם מתוקים יותר מדאי נותן שם הומץ : תרי מיני שתיתא. דתרי זימני כתיב קלי בקרא והיינו תרי מיני שתיתא : וספות. כלים להשתמש כמו בזמרי כסף :

איז אַיְאָהר. טָאמֶער וֶועט זַיין אַיין מֶענטְשׁ וָואס דֶער טַעַם וֶועט אִים נִיט גְפֶעלִין. וֶועט עֶר נִיט וָועלִין הַאלטֶען דִיא גְזֵרָה ; דְרִיבֶּער הָט מֶען אַיְאָהר נִיט אוים גְזָאגְט דֶעם טַעַם פוּן דִי גְזֵרָה ; בַּיז אַלֶע וָועלִין שׁוֹין אָן גְעמֶען דִי גְזֵרָה. דֶר נָאךְ הָט מֶען שׁוֹין גִימֶעגְט אוים זָאגִין דֶעם טַעַם פוּן דִיא גְזֵרָה. וָוארוּם אֲפִילוּ דֶער נָאךְ וֶועט אַיינֶעם דֶער טַעַם נִיט גִיפֶעלִין וֶועט עֶר שׁוֹין אוֹיךְ דִי גְזֵרָה נִיט אַרָאפּ וַוארְפְעֶן פוּן זִיךְ :

יג דָרַשׁ. רַב נַחְמָן בַּר רַב חִסְדָא הָאט גִידַרְשֶׁת. עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק לְרֵיחַ שְׁמָנֶיךָ טוֹבִים. דֶער רֵיחַ פוּן דַיינֶע אֵייל אִיז גוּט. אַתַּלְמִיד חָכָם אִיז גְלַייךְ צוּ אַפְלֶעשִׁיל שְׁמֶעקֶעדִיגֶע בּוֹימאֵייל. אַז דִיא פְלֶעשִׁיל אִיז אָפּ גִידֶעקְט שְׁמֶעקְט פוּן אִיהר. אַז דִיא פְלֶעשִׁיל אִיז פַאר מַאכְט שְׁמֶעקְט נִיט פוּן אִיהר. בַּיי דֶעם תַּלְמִיד חָכָם אִיז אוֹיךְ אַזוֹי. אַז עֶר עֶפִינְט זַיין מוֹיל אוּנ לֶערוּנְט תּוֹרָה צוּ תַּלְמִידִים. גֵייט אַרוֹיס זַיין נָאמֶען צוּ פִיל מֶענְטְשִׁין. אוּנ אַז דִיא מוֹיל זַיינֶע אִיז פַאר מַאכְט עֶר לֶערוּנְט נִיט מִיט תַּלְמִידִים נָאר פַאר זִיךְ אַלֵיין. ווייס קֵיינֶער נִיט פוּן אִיהם. אוּנ אַז דֶער תַּלְמִיד חָכָם לֶערוּנְט מִיט תַּלְמִידִים. דִי זַאכֶען וָואס זֶענֶען גִיוֶועֶן צוּ גִידֶעקְט פוּן אִיהם. וָוס עֶר הָאט זֵיי קֵיין מָאהל נִיט גִיוואוּסְט. וֶועט עֶר זֵיי ווִיסֶען. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עַל כֵּן עֲלָמוֹת אֲהֵבוּךָ. לֵייעֶן אִין פָּסוּק עֲלוּמוֹת אֲהֵבוּךָ. דִי פַארְהוֹילֶעגֶע זַאכֶען וָואס דוּא הָאסְט זֵייא נִיט גֶעוואוּסְט. ווֶעלִין דִיךְ לִיבּ הָאבֶּען זֵיי זָאלֶען צוּ דִיר דֶער וואוּסְט וֶוערִין. אוּנ נָאךְ מֶער אֲפִילוּ דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת הֶט אִים לִיבּ. אַזוֹי ווִיא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עֲלָמוֹת אֲהֵבוּךָ. זָאלְסְטוּ לֵייעֶנֶען עַל מוֹת אֲהֵבוּךָ. דֶער מַלְאָךְ וָוס הָט צוּ שַׁאפֶען אוֹיף דֶעם טוֹיט וֶועט דִיךְ לִיבּ הָאבֶּען. אוּנ נָאךְ מֶער וֶועט עֶר הָאבֶּען עֶר וֶועט יַרְשֶׁנֶען בֵּיידֶע וֶועלְטִין ; דִי וֶועלְט אוּנ יֶענֶע וֶועלְט ; אַזוֹי ווִיא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עֲלָמוֹת. זָאלְסְטוּ לֵייעֶנֶען עוֹלָמוֹת. צְווייא וֶועלְטִין :

יד אָמַר. רַב הָאט גְזָאגְט צְווֵיי מִינִים שְׁתִיתְאָה הָאט בַּרְזִילַי הַגִּלְעָדִי גֶעשִׁיקְט צוּא דָוִד וּשְׁתִיתְאָה אִיז אַזוֹי אַמִין עֶסִין וָואס אִיז גֶעמַאכְט פוּן מֶעהל פוּן גֶעטְרִיקֶנְטֶע זַאנְגֶען. אַנְדֶערֶע מַאכֶען דָאס פוּן אַרְבֶּעס מֶעהל. אוּנ וַוייל עֶס אִיז גַאנְץ זִיס גִיסְט מֶען אַרַיין עֶסִיג אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק בַּרְזִילַי הַגִּלְעָדִי הָאט גֶעשִׁיקְט צוּ דָוִד בֶּעט גִיוואַנְט אוֹיף וָואס צוּ שְׁלָאפֶען אוּנ בְּכֵלִים אוּנ עֶרְדֶענֶע כֵּלִים. ווייץ גֶערְשְׁטִין אוּנ מֶעהל פוּן גֶעטְרִיקֶנְטֶע זַאנְגֶען. אוּנ מֶעהל פוּן גֶעטְרִיקֶנְטֶע בּאבּ אוּנ אַרְבֶּעס.

(דף לח) **טו** ת"ר אשת חבר הרי היא כחבר עבדו של חבר הרי הוא כחבר חבר שמת אשתו ובניו ובני ביתו הרי הן בחזקתן עד שיחשדו:

(דף מ ע"ב) **טז** ת"ר פעם אחת חש רבי במעיו אמר כלום יש אדם שיודע יין תפוחים של עכו"ם אסור או מותר אמר לפניו רבי ישמעאל בל' יוסי פעם אחת חש אבא במעיו והביאו לו יין תפוחים של עכו"ם של ע' שנה ושתה ונתרפא א"ל כל כך היה בידך ואתה מצערני בדקו ומצאו עכו"ם א' שהיה לו ש' גרבי יין תפוחים של ע' שנה ושתה ונתרפא אמר ברוך המקום שמסר עולמו לשומרים:

כל הצלמים פרק שלישי

(דף מד) (מ"א טו) **א** **וגם** את מעכה אמו ויסרה מגבירה אשר עשתה מפלצת לאשרה ויכרות אסא את מפלצתה מאי מפלצתה אמר רב יהודה דהות מפליא ליצנותא כדתני רב יוסף כמין זכרות עשתה לו בכל יום והיתה נבעלת לו. רב הונא רמי כתיב (ד"ה א יד) ויעזבו שם את אלהיהם ויאמר דויד וישרפו באש וכתיב (ש"ב ה) וישאם דוד ואנשיו לא

טו תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט דיא ווייב פון אחמן איז בגלויבט צוא יעדער זאך. אזוי וויא איר מאן דער למדן איז בגלויבט. דער קנעכט פון אלמדן איז בגלויבט צוא יעדער זאך. אזוי וויא זיין בעל הבית דער למדן איז בגלויבט. אז אלמדן שטארבט זיין ווייב אונ זיינע קינדער אונ זיינע שטוב מענטשין זענען פאר געווים אזוי פרום וויא דער למדן איז געוועזן. ביז מען זעהט אז זייא זענען ניט פרום. גלויבט מען זייא שוין ניט אויף קיין פרומקייט:

טז תנו רבנן. די רבנן האבען גילערונט אמאהל האט רבי גיהאט שמערצין אין בויך. האט רבי גזאגט טאמער איז דא אמענטש וואס וויים מיר צוא זאגען אויב מען מעג טרינקען וויין פון עפיל פון אגעצין דינער אדער ניין. האט רבי ישמעאל ברבי יוסי גזאגט אמאהל האט מיין פאטער גיהאט שמערצין אין בויך האט מען איהם גיבריינגט וויין פון עפיל פון אגעצין דינער וואס דיא וויין איז שוין אלט גיוועזן זיבעציג יאהר האט מיין פאטער גיטרונקען דיא וויין אונ איז גיהיילט גיווארין. האט רבי גזאגט צוא רבי ישמעאל דאס אלץ האסטו געוואוסט ואז מען מעג טרינקען וויין פון עפיל פון אגעצין דינער. אונ דיא וויין איז גוט צום בויך אונ דוא האסט מיך גילאזט אזוי לאנג האבען שמערצין. האט מען געזוכט ביז מען האט געפונען אגעצין דינער וואס האט גיהאט דרייא הינדערט פעסער וויין פון עפיל וואס זענען אלט גיוועזן זיבעציג יאהר אונ רבי האט גיטרונקען דיא וויין אונ איז גיהיילט גיווארן. האט רבי גזאגט גילויבט איז גאט וואס ער האט איבער גיגעבען דיא וועלט זיינע צוא היטערס זייא זאלען זיא היטען:

פרק שלישי

א **וגם** דער מלך אסא האט אפ גישאפט זיין מוטער מעכה זיא זאל ניט זיין קיין פירשטעו. יוייל זיא האט גימאכט אמפלצת צוא דעם לינדען בוים אונ אסא האט אפ געשניטען דעם מפלצת. וואס איז דאס מפלצת. רב יהודה זאגט מפלצת איז צווייא ווערטער דהוית מפליא ליצנותא. זיא האט גימאכט אזוי אמיאוסה זאך וואס אלע האבען זיך געוואונדערט. ווארום רב יוסף האט גילערונט זיא האט געמאכט אזוי וויא אמילה פון אזכר אונ זיא האט מיט דעם מזנה גיוועזן אלע טאג. רב הונא האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט דיא גוים האבען דארט פאר לאזין זייערע געטער האט דוד גיהייסען מען זאל דאס פר ברענען אין פייער. אונ אין אנדערין פסוק שטייט דוד מיט זיינע מענטשין האבען די געטער גיטראגן. זאגט דיא גמרא עס

לא קשיא כאן קודם שבא אתי הגתי כאן לאחר שבא אתי הגתי דכתיב (שם יב) ויקח את עטרת מלכם מעל ראשו ומשקלה ככר זהב ואבן יקרה ותהי על ראש דוד ומי שרי איסורי הנאה נינהו אמר רב נחמן אתי הגתי בא ובטלה. ומשקלה ככר זהב היכי מצי מנח לה אמר רב יהודה אמר רב ראויה (היתה) לנוח בראש דוד. ר' יוסי בר חנינא אמר אבן שואבת היתה לה דהות דארי לה. רבי אלעזר אמר אבן יקרה היתה בה ששוה ככר זהב. (תהלים קיט) זאת היתה לי כי פקודיך נצרתי מאי קאמר ה"ק בשכר שפקודיך נצרתי זאת היתה לי לעדות מאי עדותו אמר ריב"ל שהיה מניחה במקום תפלין והולמתו והא קא בעי אנוחי תפילין א"ר שמואל בר רב יצחק מקום יש בראש שראוי להניח בו שתי תפילין. (מ"ב יא) ויוצא את בן המלך ויתן עליו את הנזר ואת העדות נזר זו כלילא עדות

קודם שבא אתי הגתי. ובטלה אמר דוד לשבפס כא אתי הגתי ובטלה והדר ויבאס. אתי הגתי עכו"ם היה: עטרת מלכם. בבני עמון קאי וע"ז שלהם מלכם שמה על שם מלוכה כדכתיב ולמלכם שקוץ בני עמון והאי עטרת מלכם בע"ז קאמר: היכי מצי מנח ליה. והלא ככר שהיא מנה היא ומאה היא כבדה וקרא כתיב ותהי על ראש דוד: א"ר יהודה. האי והאי על ראש דוד לאו דמנח לה אלא ה"ק הטיבה וראויה לדוד שעשויה למדת ראשו והולמתו כדאמרן: אבן שואבת. דרך אותה האבן להגביה המתכת ולתלותה באויר: דהות דארי לה. שהיתה נושאת לעטרה ומגביהתה: ששוה ככר זהב. והיינו ומשקלה ככר זהב שקולה היא ככר זהב: זאת היתה לי. עדות עטרה זו מעידה עלי שאני הגון למלכות: הולמתו. יושבת בראשו יפה ומכוונת למדת ראשו: מקום תפלין. צריך שבראשו למעלה מן הפדחת מקום שמוחו של תינוק רופס: מקום יש בראש שראוי להניח בו ב' תפילין. כי רחב המרין מקום כדי ב' רצועות והיה היתה נחה בתוך רחבו: ויוצא את בן המלך. ביואש כתיב בבן אחזיה כשהחביאתו אותו אחותו

איז ניט קיין קשיא. איידער אתי הגתי איז געקומען צו דוד און איידער ער האט מבטל געווען די עבודה זרה. האט דוד געהייסען מען זאל די געטער פאר ברענגען. אבער דער נאך ווי אתי הגתי איז שוין געקומען צו דוד און האט מבטל געווען די עבודה זרה האט דוד געהייסען מען זאל די עבודה זרות מיט טראגען. ווארום עס שטייט אין פסוק ער האט גענומען די קרוין פון די עבודה זרה מלכום פון זיין קאפ און זיא האט געוואוגען א צענטנער גאלד און אטייערער שטיין. און די קרוין איז געווען אויף דעם קאפ פון דוד: פרעגט די גמרא האט דען דוד געמעגט אן טאהן די קרוין אויף זיין קאפ. די קרוין איז דאך פון א עבודה זרה טאר מען דאך פון איר קיין הנאה ניט האבען. האט רב נחמן געזאגט אתי הגתי איז געקומען און האט מבטל געווען פון איר דעם נאמען עבודה זרה. די קרוין האט געוואוגען א צענטנער גאלד דאס איז זעכציג פונט וויא אזוי האט דוד געקענט טראגען אויף זיין קאפ אזוי א שווערע קרוין. האט רב יהודה געזאגט פון רבס וועגין אזוי מיינט דער פסוק ווען זיא וואלט ניט אזוי שווער געווען וואלט זיא געפאסט צוא זיין אויף דעם קאפ פון דוד. רבי יוסי בר חנינא זאגט די קרוין האט געהאט א מאגנעט שטיין אז מען האט ארויף געזעצט די קרוין אויף דעם קאפ האט דער שטיין אויף געהויבען א ביסעל די קרוין פון קאפ זיא זאל ניט זיין שווער אויף דעם קאפ. רבי אלעזר זאגט די קרוין איז געווען א טייערער שטיין ווארט א צענטנער גאלד. דוד אין איר איז געווען א טייערער שטיין וואס ער איז ווערט געווען א צענטנער גאלד. דוד המלך האט געזאגט זאת היתה לי כי פקודיך נצרתי. וואס האט דוד געזאגט. נאר אזוי האט דוד געזאגט פאר גאט ווייל איך האב געהיט דיינע מצות. האסטו מיר געגעבען די קרוין פאר א עדות אז איך בין ווערט צו זיין א מלך. מיט וואס איז די קרוין א עדות אויף די מלוכה פון דוד. רבי יהושע בן לוי זאגט דוד האט געלייגט די קרוין אויף זיין קאפ אויף דעם ארט וואו די תפלין ליגען: און די קרוין האט פונקט געפאסט צו זיין קאפ. איז דאך א סימן אז ער דארף זיין א מלך. פרעגט די גמרא ער האט דאך גידארפט לייגען תפלין. און אז די קרוין איז געלעגען אויף דעם ארט פון די תפלין וואו זענען די תפלין געלעגען. האט רב שמואל בר רב יצחק געזאגט אויף דעם קאפ איז דא א ארט וואס מען קען אויף איהם לייגען צוויי תפלין. עס שטייט אין פסוק ער האט ארויס געפירט דעם זוהן פון מלך און ער האט געגעבען אויף איהם די קרוין און די עדות. וואס מיינט מען עדות. האט רב יהודה געזאגט פון רבס וועגין די קרוין איז געווען א עדות צו די משפחה פון דוד. דער וואס איז ווערט געווען צו זיין א מלך האט די קרוין געפאסט אויף איהם. און דער

עדות א"ר יהודה אמר רב עדות הוא לבית דוד שכל הראוי למלכות הולמתו ושאין ראוי למלכות אין הולמתו. (מ"א א) ואדוניה בן חגית מתנשא לאמר אני אמלוך אמר רב יהודה אמר רב שמתנשא להולמו ולא הולמתו. (שם) ויעש לו רכב ופרשים וחמשים איש רצים לפניו מאי רבותייהו תנא כלם נטולי טחול והקוקי כפות הרגלים:

ב הניא ר' אליעזר אומר מנין לעוקר ע"ז שצריך לשרש אחריה ת"ל (דברים יב) ואבדתם את שמם (דף מו) א"ל ר' עקיבא והלא כבר נאמר (שם) אבד תאבדון א"כ מה ת"ל ואבדתם את שמם לכנות לה שם יכול לשבח ס"ד אלא יכול לא לשבח ולא לגנאי ת"ל (שם ז) שקץ תשקצנו הא כיצד היו קורין אותה בית גליא קורין אותה בית כריא פני מלך פני כלב עין כל עין קוץ:

תנו

כשהרגה עתליה את כל זרע הממלכה וכשגדל הוליאוהו ונתנו עליו הנזר והעדות שהוא מזרע הממלכה: א"ר יהודה שניקב להולמו. ואע"ג דאמר רב יהודה לעיל דאויה היתה לנזר אבל אדוני' לא מנח ליה מיהו הדא בעתא בדקינן ליה בגוה אם הגון הוא למלכות: רבותא. דהכי המשים איש דכתיב ויעש לו דמשמע שהיו מסורים: נטולי הטחול. הטחול מכביד: והקוקי כפות הרגלים. ומוטל שכבר מן העלם ולא היו מרגישים בקוצים וברקנים: בית גליא. ל' גובה גלא: בית כריא. ל' הפירס ושפלות. (נ"א כריא בית הכסא): פילוסופין

וואס איז ניט ווערט גיוועזן צו זיין א מלך. הט דיא קרוין ניט גיפאסט אויף איהם. אין פסוק שטייט אדוניה דער זוהן פון חגית איז בייא זיך גרויס גיוועזן אונ האט גזאגט איך וועל זיין א קעניג: רב יהודה זאגט פון רבס וועגין אדוניה האט ארויף גיזעצט דיא קרוין פון פאטער אויף זיין קאפ. ער האט געמיינט זיא וועט איהם פאסען אונ זיא הט ניט גיפאסט. אונ אדוניה האט געמאכט פאר זיך אבייט וואגען אונ האט גענומען רייטער אונ פופציג מענטשין זענען גילאפען פאר איהם. פרעגט דיא גמרא וואס איז גיוועזן די גרויסקייט פון די פופציג מענטשין. ענטפערט דיא גמרא מיר האבען גילערונט פון דיא פופציג מענטשין האט מען ארויס גענומען פון בויך זייערע מילצען זיי זאלען זיין גרינג צום לויפען אונ מען האט אראפ גענומען דיא פלייש פון זייערע פאדעשוועס. זיי זענען גילאפען אויף די בלויזע ביינער. זייא זאלען קענען לויפען אויף דערנער:

ב תניא. מיר האבען גילערונט רבי אליעזר זאגט פון וואנען ווייסען מיר אז איינער רייסט אויס אעבודה זרה. אז ער דארף איהר אויס רייסען מיט דעם ווארציל. שטייט אין פסוק איהר זאלט פאר ליהרען זייער נאמען. מען זאל גאר ניט דער קענען אז אויף דעם ארט איז אמאהל גישטאנען אעבודה זרה: רבי עקיבא האט גיזאגט צו רבי אליעזר עס שטייט דאך שוין אין פסוק אבד תאבדון. איהר זאלט פארליהרען דיא עבודה זרה פון דער וועלט. צו וואס דארף נאך שטיין איהר זאלט פארליהרען זייער נאמען. נאר דיא עבודה זרה וואס איר וועט ניט קענען פארליהרען פון דער וועלט זיא וועט מוזען בלייבען שטיין. זאלט איהר דיא עבודה זרה רופען איין אנדער נאמען. איך וואלט מיינען אפילו אשענערין נאמען מעג מען איהר אויך רופען: אדער ניט קיין שענערין אונ ניט קיין מיאוסערין נאר איין אנדער נאמען זאל זיין. שטייט אין פסוק שקץ תשקצנו. דוא זאלסט דיא עבודה זרה פאר מיאוסען. וויא אזוי. אויב מען האט די עבודה זרה גירופען בית גליא (דיא העכסטע הויז) . זאל מען זיא איצט רופען בית כריא (דיא נידעריגסטע הויז). אויב מען האט דיא עבודה זרה גירופען פני מלך (דער פנים פון א מלך) . זאל מען זיא איצט רופען פני כלב (דער פנים פון א הונט). אויב מען האט דיא עבודה זרה גירופען עין כל. (דיא אויג פון אלע). זאל מען זיא איצט רופען עין קוץ (דיא אויג פון דערנער):

רבי ישמעאל פ"ק רביעי

(דף כד ע"ב) **א תנו** רבנן שאלו פילוסופין את הזקנים ברומי אם אלהיכם אין רצונו בע"ז מפני מה אין מבטלה אמרו להם אלו לדבר שאין העולם צריך לו היו עובדין היה מבטלו הרי הן עובדים לחמה וללבנה לכוכבים ולמזלות יאבד עולמו מפני השוטים אלא עולם כמנהגו נוהג ושוטים שקלקלו עתידין ליתן את הדין. ד"א הרי שגזל סאה של חטין והלך וזרעה בקרקע דין הוא שלא תצמח אלא עולם כמנהגו נוהג ושוטים שקלקלו עתידין ליתן את הדין. ד"א הרי שבא על אשת חברו דין הוא שלא תתעבר אלא עולם כמנהגו נוהג ושוטים שקלקלו עתידין ליתן את הדין והיינו דא"ר שמעון בן לקיש אמר הקב"ה לא דיין לרשעים שעושים סלע שלי פומבי אלא שמטריחין אותי ומחתימין אותי בעל כרחי:

פילוסופין. חכמי האומות: שעושין סלע שלי פומבי. רוצה שלי באני רוצה בו בלמז קויי"ן עושים הפקירא לכל שכל הרוצה להתום בו חותם כלומר שבאים על הערוה על כרחי ומולידין: אלא שמטריחים אותי. שאני יוצר כולד על כרחי שהרי גזרה היא מלפני שינהג העולם כמנהגו ומיבעיא ליה היכא אתמר דרים לקיש ומאיזה מקרא הוא מוציא קבלה זו שהקב"ה קובל על כך ובתנחומא דרים מאותו פסוק צור ילדך תשי וגו':

ב שאל פילוסוף אחד את ר"ג כתוב בתורתכם (דברים ד) כי ה' אלהיך אש אוכלה הוא אל קנא מפני מה מתקנא בעובדיה ולא מתקנא בע"ז א"ל אמשול לך משל למה"ד למלך ב"ו שהיה לו בן ואותו בן היה מגדל לו את הכלב והעלה לו שם על שם אביו כשהוא נשבע

פרק רביעי

א תָּנוּ רַבָּנָן. דִיא רַבָּנָן הָאבִּין גִילֶערוּנְט דִי פִּילוֹסוֹפִים הָאבֶּען גִיפְרֶעגְט דִי אַלְטֶע יִדְּעֶן וָואס זַיי זֶענֶען אִין רוֹים. אוֹיבּ אַייֶער גָאט וִויל נִיט דִי עֲבוֹדָה זָרָה. פַאר וָואס פַארלִירְט עֶר זִיא נִיט פוּן דֶער וֶועלְט. הָאבֶּען דִיא אַלְטֶע יוּדֶען גִיעֶנְפֶערְט וֶוען אִיהר וָואלְט גֶעדִינְט צוּ אַזוֹי אַזַאךְ וָואס דִי וֶועלְט דַארְף זִיא נִיט: וָואלְט גָאט דִיא זַאךְ צוּ נִינוּמֶען פוּן דֶער וֶועלְט. אִיהר דִינְט אָבֶּער צוּ דִיא זוּהן צוּ דִיא לְבָנָה צוּ דִיא שְׁטֶערִין צוּ דִיא מַזָלוֹת. זָאל גָאט פַארלִירֶען דִי וֶועלְט פוּן וֶועגִין דִיא נַארִין. נָאר דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ וִויא זִיא הָאט זִיךְ גֶעפִירְט. אוּנ דִי נַארִין וָואס זִינְדִיגֶען וֶועלִין גִישְׁטְרָאפְט וֶוערִין אוֹיף דִיא וֶועלְט אָדֶער אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. אַנְדֶערֶע זָאגִין אַזוֹי הָאבֶּען זַייא גִיעֶנְפֶערְט אֵיינֶער הָאט גִיגַזֶלְת אַמָאס ווַייץ אוּנ עֶר הָאט דִיא ווַייץ פַאר זַייֶעט אִין דֶער עֶרְד. וָואלְט גִידַארפְט זַיין אַז דִי ווַייץ זָאל נִיט וַואקְסִין. נָאר דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ וִוי זִי דַארְף זִיךְ פִירֶען. אוּנ דִיא נַארִין וָואס זִינְדִיגֶען וֶועלִין גִישְׁטְרָאפְט וֶוערִין. אַנְדֶערֶע זָאגִין אַזוֹי הָאבֶּען זַיי גִיעֶנְפֶערְט אַז אֵיינֶער אִיז מְזַנֶה מִיט זַיין חֲבֵרִים ווַייבּ. וָואלְט גִידַארפְט זַיין זִי זָאל נִיט מְעוּבֶּרֶת וֶוערִין. נָאר דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ וִויא זִיא דַארְף זִיךְ פִירֶען. אוּנ דִי נַארִין וָואס זִינְדִיגֶען וֶועלִין גִישְׁטְרָאפְט וֶוערִין. דָאס אִיז וָואס רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן לָקִישׁ הָאט גִיזָאגְט. גָאט הָאט גִיזָאגְט נִיט גִינוּג פַאר דִיא רְשָׁעִים וָואס זַייא מַאכֶען מַיין חֲתִימָה הֶפְקֵר. זַייא חַתְמֶען מִיט מַיין חֲתִימָה וָואס זַיי ווִילֶען. זַיי זֶענֶען מְזַנֶה מִיט וֶועמֶען זַיי ווִילֶען. נָאר זַייא נֵייטֶען מִיךְ אִיךְ זָאל חַתְמֶען וָואס אִיךְ ווִיל נִיט חַתְמֶען. אִיךְ זָאל בַּשַׁאפֶען אַזוֹי אַקִינְד וָואס אִיךְ ווִיל נִיט בַּשַׁאפֶען. ווַייל אִיךְ הָאבּ אֵיין מָאהל גִיגֶעבִּין אִין דֶער נַאטוּר אַז אַזָכָר מִיט אַנְקֵבָה וֶוערִין זִיךְ בַּהֶעפְטִין זָאלֶען זַייא גִיבֶּארִין אַקִינְד. אוּנ דִי נַאטוּר ווִיל אִיךְ נִיט עֶנְדֶערִין. נָאר דֶער וָואס אִיז מְזַנֶה וֶועט לַיידֶען זַיין שְׁטְרָאף:

ב שָׁאַל. אַפִּילוֹסוֹף הָאט גִיפְרֶעגְט בַּייא רַבָּן גַמְלִיאֵל עֶס שְׁטֵייט אִין אַייֶער תּוֹרָה אַז גָאט אִיז אַזוֹי וִויא אַבְּרֶענֶענְדִיגֶער פַייאֶר עֶר שְׁטְרָאפְט דֶעם זִינְדִיגֶער. פַאר וָואס שְׁטְרָאפְט עֶר נָאר דִיא וָואס דִינֶען דִי עֲבוֹדָה זָרָה. אוּנ עֶר שְׁטְרָאפְט נִיט דִיא עֲבוֹדָה זָרָה אַלֵיין. הָאט רַבָּן גַמְלִיאֵל גִיזָאגְט צוּם פִּילוֹסוֹף אִיךְ וֶועל דִיר זָאגִין אַמָשָׁל צוּ וָואס דִיא זַאךְ אִיז גְלַייךְ. אַמֶלֶךְ הָאט גִיהַאט

נשבע אמר בחיי כ"ב אבא כששבע המלך על מי כועס על הבן" או על הכלב הוי אומר על הבן א"ל כלב אתה קורא אותה והלא יש בה ממש א"ל מה ראית א"ל פעם אחת נפלה דליקה בעירנו ונשרפה כל העיר והבית שהיה שם הע"ז לא נשרפה א"ל אמשול לך משל למה"ד למלך ב"ו שסרחה עליו מדינה כשהוא עושה מלחמה עם החיים הוא עושה או עם המתים הוי אומר עם החיים א"ל כלב אתה קורא אותה מת אתה קורא אותה א"כ יאבדנה מן העולם א"ל אלו לדבר שאין העולם צורך בו עובדין היה מבטלה הרי הם עובדים לחמה וללבנה לכוכבים ולמזלות לאפיקים ולגאיות יאבד עולמו מפני השוטים אלא עולם כמנהגו נוהג ושוטים שקלקלו עתידין ליתן את הדין וכה"א (דף נה) (צפניה א) אסף אסף כל מעל פני האדמה נאם ה' וכתיב (שם) אסף אדם ובהמה אסף עוף השמים ודגי הים והמכשלות את הרשעים וכי כפני שהרשעים נכשלים בהם יאבדם מן העולם והלא לאדם הם עובדים (שם) והכרתי את האדם וגו':

ג שאל אגריפס שר צבא את רבן גמליאל כתוב בתורתכם (דברים ד) כי ה' אלהיך אש אוכלה

אל קנא. מקנא נקום את העובדם: עם החיים. הוא עושה מלחמה ומכלה את ממונם: לאפיקים. אפיקים מולא מים: אסף אסף כל. כלומר כאכלה את הכל בתמיה: אסף אדם ובהמה. והמכשלות את הרשעים. כל דברים שרשעים נכשלים בהם: והכרתי את האדם בתמיה בהוי אף לאדם הם עובדים.
אגריפס שר צבא. עכו"ם היה ממונה על ראשי הגייסות ובימי אגריפס המלך היה: אין מקנא בה.

אזוהן אונ דער זוהן האט גיהארעוועט אהונט. אונ ער האט אנאמען גיגעבין דעם הונט דעם פאטערס נאמען. אז ער שווערט זאגט ער אזוי וויא עס לעבט דער הונט מיין פאטער. אז דער מלך האט דס גיהערט אויף וועמען איז ער אין כעס. אויף דעם זוהן צו אויף דעם הונט. געוויס אויף דעם זוהן ניט אויף דעם הונט. האט דער פילוסוף גיזאגט צו רבן גמליאל דוא רופסט די עבודה זרה זיא איז אהונט. עס איז דאך דא אין דיא עבודה זרה אגאטליכקייט. האט רבן גמליאל גיזאגט צום פילוסוף וואס פאר אגעטליכקייט האסטו אין איהר גיזעהן. האט דר פילוסוף גיזאגט, אמאהל איז גיווארען אפייער אין שטאט אונ דיא גאנצע שטאט איז פאר ברענט גיווארען. אונ דיא שטוב וואס אין איהר איז גישטאנען דיא עבודה זרה איז ניט פאר ברענט גיווארען. האט רבן גמליאל גיזאגט צום פילוסוף איך וועל דיר זאגין אמשל צו וועם די זאך איז גלייך אמדינה האט אמאהל געזינדיגט אויף איהר מלך. אז דר מלך גייט מאכען אמלחמה מיט דיא מענטשין פון דער מדינה. מאכט ער די מלחמה מיט דיא לעבעדיגע אדער מיט די טויטע: געוויס מיט די לעבעדיגע. אונ דיא טויטע ריהרט ער ניט אן. האט דער פילוסוף גיזאגט צו רבן גמליאל דוא רופסט די עבודה זרה זיא איז אהונט. אונ דו רופסט איהר זי איז אטויטע. זאל גאט פארליהרען די עבודה זרה פון דער וועלט. האט רבן גמליאל גיזאגט ווען איהר וואלט געדינט צו אזוי אזאך וואס דיא וועלט דארף זיא ניט. וואלט גאט די זאך צו גינומען פון דער וועלט. איהר דינט אבער צו די זוהן צו דיא לבנה צו די שטערין צו די מזלות צו די קוואלין וואסער צו דיא טאהלען. זאל גאט פארליהרען די וועלט פון וועגין די נארין. נאר די וועלט פירט זיך ווי זיא האט זיך געפירט. אונ די נארין וואס זינדיגען וועלען גישטראפט ווערין אויף די וועלט אדער אויף יענע וועלט. אונ אזוי זאגט דר פסוק גאט זאגט וועל איך דען אלץ פון דער וועלט פאר לענדין. וועל איך דען פארלענדין דיא מענטשין מיט די בהמות. וועל איך דען פארלענדין דיא פייגיל וואס פליהען אונטער דעם הימעל אונ דיא פיש פון ים. אונ די זאכען וואס שטרויכלען די רשעים וועל איך אויך ניט פארלענדין. צו דען ווייל זייא שטרויכלען דיא רשעים דריבער וועל איך זייא פארלענדין פון דער וועלט. זייא דינען דאך צו מענטשין אויך. וועל איך דען די מענטשין אויך פאר שניידען:

ג שאל. אגריפס דער גענעראל האט גיפרעגט בייא רבן גמליאל עס שטייט אין אייער תורה אז גאט איז אזוי וויא אברענענדיגער פייאר ער שטראפט דעם זינדיגער. עס צערינט נאר

אשתו ראשונה אינה מקפדת כל כך נשואה את בעלה אבל אם פלונה ממנה מתקנאת ומקפדת עליו לשנאותו : זונין . ישראל הוא : דאזלי כי מתברי . פסחים הולכים לע"ז שנתפרקו אבריהם מהמת חולי וחוזרין באבריהם מלומדין : רפים בשליחותם . שמייסרין את הגוף : שמחליקן

אוכלה הוא אל קנא כלום מתקנא אלא חכם בחכם גבור בגבור עשיר בעשיר א"ל אמשול לך משל למה"ד לאדם שנשא אשה על אשתו חשובה ממנה אין מתקנא בה פחותה ממנ.ה מתקנא בה. א"ל זונין לרבי עקיבא לבי ולבך ידעין דע"ז לית בה מששא והא קא חזינן גברי דאזלי כי מתברי ואתו כי מצמדי מ"ט א"ל אמשול לך משל למה"ד לאדם נאמן שהיה בעיר וכל בני עירו היו מפקידין אצלו שלא בעדים בא אדם אחד הפקיד אצלו בעדים פעם אחת שכח והפקיד אצלו בלא עדים אמרה לו אשתו בוא ונכפרנו אמר לה וכי מפני ששוטה זה עשה שלא כהוגן אנו נאבד את אמונתנו אף יסורין בשעה שמשגרין אותן על האדם משביעין עליהם שלא תלכו אלא ביום פלוני ולא תצאו אלא ביום פלוני ובשעה פלונית ע"י פלוני וע"י סם פלוני כיון שהגיע זמנו לצאת הלך זה לבית ע"ז אמרו יסורין דין הוא שלא נצא וחוזרים ואומרים וכי מפני ששוטה זה עשה שלא כהוגן אנו נמיר שבועה נו

אחכם אויף אחכם . אז אחכם זעהט מען גיט דעם אנדערין חכם מער כבוד ווי מען גיבט איהם פארדריסט איהם. אדער אז איין גבור זעהט מען גיט דעם אנדערין גבור מער כבוד ווי מען גיט איהם : פארדריסט איהם. אדר אז איין עושר זעהט מען גיט דעם אנדערין עושר מער כבוד ווי מען גיט איהם פאר דריסט איהם . אבער פאר וואס פארדריסט גאט וואס מען גיט כבוד צו די עבודה זרה וואס זיא איז גאר ניט . האט רבן גמליאל גיזאגט צו אגריפס איך וועל דיר זאגין אמשל צו וואס די זאך איז גלייך אמענטש האט אמאהל גינומען נאך אווייב צו זיין פריערדיגע ווייב : און דיא אנדערע ווייב איז אגרעסערע מיוחסת וויא דיא ערשטע ווייב . פארדריסט ניט דיא ערשטע ווייב אויף איהר מאן פאר וואס ער האט גינומען דיא אנדערע ווייב . אבער אז דיא אנדערע ווייב איז פון אנידערינגערע משפחה וויא די ערשטע ווייב . איז דיא ערשטע ווייב בייז אויף איהר מאן פאר וואס ער האט גינומען די אנדערע ווייב : ווען די עבודה זרה וואלט גיווען גרעסער וויא גאט . וואלט גאט גאר ניט בייז גיווען אויף די מענטשין וואס דינען זיא . אבער אז דיא עבודה זרה קען גאר ניט העלפין . איז גאט בייז פאר וואס זייא פארלאזען איהם און גייען נאך דיא עבודה זרה : זונין האט גיזאגט צו רבי עקיבא מיין הארץ און דיין הארץ ווייסען אז די עבודה זרה איז גאר נישט . מיר זעהן אבער אז מענטשין גייען צו דיא עבודה זרה מיט צו בראכענע גלידער און גייען צוריק מיט גאנצע גלידער . פאר וואס איז דאס. האט רבי עקיבא גיזאגט צו זונין איך וועל דיר זאגין אמשל צו וואס דיא זאך איז גלייך . אין אשטאט איז אמאהל גקומען אבגלויבטער מענטש . אלע מענטשין פון שטאט פלעגין ביי איהם בעהאלטין זייער פאר מעגין גאר אן עדות. אמאהל איז גיקומען אמענטש צו דעם בגלויבטין און האט בייא איהם בעהאלטען געלט פאר עדות . אמאהל האט דער מענטש פארגעסין מיט צו נעמען עדות און ער האט בעהאלטען בייא דעם בגלויבטען מענטש אן עדות . האט דאס ווייב פון דעם בגלויבטען גיזאגט צו איהר מאן לאמיר פאר לייקענען דאס געלט פון דעם מענטש . האט דער בגלויבטער גיזאגט צו זיין ווייב צו ווייל דר נאר האט גיטאהן ניט ווי מען דארף דריבער וועל איך פארליהרען מיינע נאמנות . אז גאט שיקט אויף אמענטשין יסורים . בשווערט מען די יסורים דייא זאלען קומען אויף דעם מענטשין אין דעם טאג ניט פריער און ניט שפעטער . און זייא זאלען אוועק גיין אין דעם טאג און אין דיא שעה און דורך דעם מענטשין און דורך דר רפואה . וויא עס איז גיקומען דיא צייט דיא יסורים זאלען אוועק גיין פון דעם מענטש איז פונקט דער מענטש גיגאנגען צו דיא עבודה זרה . האבען דיא יסורים גיזאגט עס וואלט גידארפט זיין מיר זאלין איצט פון דעם מענטש ניט אוועק גיין ער זאל ניט זאגין דורך דיא עבודה זרה איז ער גיהיילט גיווארען . דער נאך זאגין דיא יסורים צו פון וועגין דעם נאר וואס ער האט

שבועתנו והיינו דאמר רבי יוחנן מאי דכתיב (דברים כה) והלים רעים ונאמנים רעים בשליחותן ונאמנים בשבועתן. א״ל רבא בר רב יצחק לרב יהודה איכא ע״ז באתרי וכי מנגיב עלמא ולא אתי מטרא מתחזי להו בחלמא ואמר להו שחטו לי גברא ואתי מטרא שחטו

בדברים מניחן לטעות: שמסכו. שמזגו נהן בו מים לסקנו לשתיה שבן דרך יינם חזק כשהיו נותנין אותו נכוס מסגין בו מים לפי שהוא חזק. יין של ישראל שמסכו עכו״ם מהו: אסור. אע״ג דלא נגע גזרו רבנן בכהו לאסרו בשתיה משום הרחקת עבירה וכו׳:

לה גברא ואתא מטרא א״ל השתא איכו שכיבי לא אמרי לכו הא מלתא הכי אמר רב מ״ד (דברים ד) אשר חלק ה׳ אלהיך אותם לכל העמים מלמד שהחליקן בדברים כדי לטרדן מן העולם והיינו דאר״ש בן לקיש מ״ד (משלי ג) אם ללצים הוא יליץ ולענוים יתן חן בא לטמא פותחין לו בא לטהר מסייעין אותו:

(דף נח ע״ב) **ד בעא** מיניה רב אסי מר׳ יוחנן יין שמסכו עכו״ם מהו א״ל נאימא מזגו א״ל אנא כדכתיב קאמינא (משלי ט) טבחה טבחה מסכה יינה א״ל לשון תורה לעצמה ולשון חכמים לעצמו מהו א״ל אסור משום לך לך אמרין לנזירא סחור סחור

גיזאהן ניט וויא מען דארף נאר ער דינט עבודה זרה. זאגען מיר עובר זיין אונזער שבועה. גייען דיא יסורים אוועק פון דעם מענטשין אונ דער מענטש זאגט טאקי אז דיא עבודה זרה האט איהם גיהאלפען. אונ דאס איז וואס רבי יוחנן האט גיזאגט עס שטייט אין פסוק וחלים רעים ונאמנים. קריינק שרעכטע אונ בגלויבטע. זייא זענען שלעכט צו דעם וואס זייא ווערין געשיקט. אונ זייא זענען בגלויבט צו היטען זייער שבועה: רבא בר רב יצחק האט גיזאגט צו רב יהודה אין מיין ארט איז דא אעבודה זרה אז די וועלט ווערט טרוקען ווייל עס איז ניטא קיין רעגין. ווערט דיא עבודה זרה גיזעהן צו עטליכע מענטשין פון שטאט אין חלום. אונ די עבודה זרה זאגט צו זייא שעכט צוא מיר אמענטש וועט גיין רעגין. שעכט מען צו איהר אמענטש אונ עס קומט רעגין. האט רב יהודה גיזאגט צו רבא ווען איך וואלט גישטארבען וואלט איך דאך אייך ניט גיזאגט דיא זאך. אזוי האט רב גיזאגט עס שטייט אין פסוק אשר חלק יי׳ אלהיך אותם לכל העמים. דער פסוק לערונט אונז אז גאט האט זייא גלאט גימאכט מיט גוטע רייד זייא זאלען פאר טריבען ווערין פון דער וועלט דאס מיינט מען דער וואס דינט עבודה זרה ווייזט איהם גאט ער זאל זעהן וואונדער פון דיא עבודה זרה ער זאל אין איהר מער גלויבען. ער זאל פאר טריבען ווערין פון דער וועלט. דאס איז וואס רבי שמעון בן לקיש האט גיזאגט עס שטייט אין פסוק אם ללצים הוא יליץ ולענוים יתן חן. אויב דער מענטש וויל זיין ארשע לאזט מען איהם ער זאל זיין ארשע. דאס הייסט דער וואס וויל טמא ווערין עפינט מען איהם דיא טויערין פון טומאה אונ מען לאזט איהם גיין. ניט מען שטערט איהם ניט מען העלפט איהם. אבער דער וואס וויל פרום זיין גיט מען איהם חן: דער וואס וויל זיין ריין פון עבירות. העלפט מען איהם ער זאל ריין ווערין:

ד בעא. רב אסי האט גיפרעגט ביי רבי יוחנן יין שמסכו עכו״ם מהו: אז אעכו״ם האט אריין גיגאסען וואסער אין ווייון מען זאל איהם קענען טרינקען ווארום פאר צייטיגע ווייון איז גיוועזן שטארק אן וואסער האט מען דעם וויין ניט גיקענט טרינקען. וויא איז דער דין. מעג איוד טרינקען דעם וויין אדער ניין. האט רבי יוחנן גיזאגט צו רב אסי פאר וואס זאגסטו מסכו אונ זאגסט ניט מזגו. האט רב אסי גיזאגט איך זאג אזוי וויא עס שטייט אין פסוק טבחה טבחה מסכה יינה. זיא האט גישאכטען איהר שעכטונג אונ האט געמישט איהר וויין מיט וואסער מען זאל איהם קענען טרינקען. האט רבי יוחנן גיזאגט דער לשון פון דער תורה איז בזונדער אונ דער לשון פון דיא חכמים איז בזונדער: אין פסוק שטייט מסכה. אונ דיא חכמים זאגין מזגה. מעג איוד טרינקען די וויין אדער ניין. האט רבי יוחנן גיזאגט ער טאר ניט. אפילו דער עכו״ם הט נאר די וויין ניט אנגערירט: ער האט נאר אריין גיגאסען וואסער אין דיא וויין

קורבנא. תשורה: בורדי. במרחץ של ורדין: עינא דחזי לכו בבישותא. עין המראות לראות ברעתכם העקר שהרי הקב"ה ממלא כל שאלותכם שלא שיהיה מתברכת: ביקרותיך. לכבוד לך ולישראל קא מבשר נביא: עין לא ראתה זולתי עינו של הקב"ה את אשר יעשה למחכה לו לא נראה כבוד וגדולה דוגמתה:

סחור לכרמא לא תקרב:

השוכר את הפועל פרק חמישי

(דף סה) **א רבא** אמטי ליה קורבנא לבר שישך ביום אידו אמר ידענא ביה דלא פלח לע"ז אזל אשכחיה דיתיב עד צואריה בורדי. וקיימן זונות ערומות קמיה א"ל אית לכו כי האי גוונא לעלמא דאתי א"ל דידן עדיפא טפי מהאי א"ל טפי. מדאי מי הוה א"ל אתון אית עלייכו אימתא דמלכותא אנן לא תהוי עלן אימתא דמלכותא א"ל אנא מיהא מאי אימתא דמלכותא איכא עלי אדקאי אתא פריסתקא דמלכא א"ל קום דקא בעי לך מלכא כי נפיק ואזיל א"ל עינא דחזיא לכו בבישותא תפקע א"ל רבא אמן פקע עיניה דבר שישך אמר רב פפי איבעי ליה למימר ליה מהכא (תהלים מה) בנות מלכים ביקרותיך נצבה שגל לימינך בכתם אופיר. א"ר נחמן בר יצחק איבעי ליה למימר מהכא (ישעיה ס) עין לא ראתה אלהים זולתך יעשה למחכה לו:

סמכו

טאר מען ניט טרינקען די וויין. וואָרום אזוי וויא מיר זאָגין צו אנזיר גייא ארום דעם וויין גארטין און צום וויין גארטין זאָלסטו ניט צו גיין. זעהן מיר ווייל ער טאר ניט טרינקען וויין טאָר ער אפילו צום וויין גארטין ניט צו גיין. אזוי מוז זיך איוד דער ווייטערין פון דעם וויין פון אגעצין דינער. אז דער עכו"ם איז נאר צו גיגאנגען צום וויין און האָט עפעס גיטאָהן ביי איהם טאָר שוין איוד דעם וויין ניט טרינקען:

פרק חמישי

א קרן. דער מזבח איז גיווען אזוי גיבאהט. פריער האט מען געמאכט אקאסטען פון צווייא אונ דרייסיג איילען דיא לייננ אונ צווייא אונ דרייסיג איילען דיא ברייט אונ איין אייל דיא הייך. אויף דעם קאסטען האט מען גישטעלט נאך אקאסטען דרייסיג איילען דיא לייננ אונ דרייסיג איילען דיא ברייט אונ פינף איילען דיא הייך. דער אונטערשטער קאסטען וואס ער איז גיווען מיט איין אייל אין יעדער זייט ברייטער וויא דער אנדערער קאסטען. דאס הייסט יסוד. פוראמענט. זאגט דיא גמרא דער ווינקול פון מזרח אונ דרום פון מזבח הט ניט גיהאט קיין פוראמענט. פאר וואס. זאגט רבי אלעזר ווייל דער ווינקול פון מזרח אונ דרום איז ניט גיווען אין דעם חלק פון טורף (אין דעם חלק פון בנימין). ווארום רב שמואל בר רב יצחק הט גזאגט דער מזבח האט פאר נומען איין חלק פון בנימין דיא גאנצע צפון זייט אונ דיא גאנצע מערב זייט אונ איין אייל אין דרום זייט אונ איין אייל אין מזרח זייט. אונ דאס גאנצע מזרח זייט אויסער דעם אייל אונ דאס גאנצע דרום זייט אויסער דעם אייל איז גיווען זיין חלק פון יהודה. אונ דיא גאנצע זייט מזרח אונ דיא גאנצע זייט דרום אויסער דיא צוויי איילען הט ניט גיהאט קיין פוראמענט וצו ווייזען אז דער בית המקדש גיהער ניט צו יהודה. דיא קינדער פון לאה

ונכנסת בחלקו של בנימין והיה בנימין הצדיק מצטער עליה בכל יום לנוטלה שנאמר (דף נד) (דברים לג) חופף עליו כל היום לפיכך זכה בנימין הצדיק ונעשה אושפיזכן לשכינה שנאמר (שם) ובין כתפיו שכן :

(דף נד ע"ב) **ב דרש** רבא מ"ד (ש"א יט) וילך הוא ושמואל וישבו בניות [וכתיב (שם) הנה דוד בניות] ברמה וכי מה ענין ניות אצל רמה אלא שהיו יושבין ברמה ועוסקין בנויו של עולם אמרי כתיב (דברים יז) וקמת ועלית אל המקו' אשר יבחר ה' אלהיך בו מלמד שבהמ"ק גבוה מכל א"י וא"י גבוה מכל הארצו' ולא הוו ידעי מקומו היכא אייתו ספר יהושע בכולהו (שבטים) כתיב (יהושע טו) וירד ועלה הגבול ותאר הגבול בשבט

עזרת נשים כלה ועזרת ישראל ומקום דריסת רגלי הכהנים עד המזבח גם המזבח הוכל בחלקו של יהודה אמה במזרח אלא שנגד קרן מזרחית צפונית היה הל,ו של יהודה כלה סמוך לקרן והרצועה היתה יוצאה בדרום המזבח ונמשכה עד סמוך לקרן דרומית מערבית אמה ורוחב הרצועה נכנס אמה בבנין המזבח והיא אמה שהכניסת היסוד היה ראוי להיות שם כדאמר מר עלה אמה וכנס אמה זהו יסוד : חופף . כמו נזיר חופף ומפספס דגרסי' בלעז אדס המהפב ודולג :

שהיו יושבין ברמה. שהיתה עירו של שמואל : ועוסקין בנויו של עולם . למצוא מקום מן התורה לבית הבחירה : ועלית . מכל שצריך קרוי עליה משם לבהמ"ק מלמד שבהמ"ק גבוה מכל א"י : וא"י גבוה מכל הארצות . לא מיבעיא לן הכא ולא תהכא נפקא לן אלא מקרא אחרינא דכתיב חי ה' אשר העלה ואשר הביא את בני ישראל וגו' : מקומו היכא . מקום הגבוה בכל א"י בגבול מי הוא : אייתי ספר יהושע . לבדוק בגבולי השבטים ולא פירש בה באחד מכל השבטים פאתי גבוליהם לארבעת רוחות חוץ משבט יהודה ובנימין שהפריש בהם כל גבוליהן מסובבין ברוחותיהן ומקצועותיהן גבול יהודה לדרומה של ארץ ישראל והרי אדום גבולה לדרום על פני כולה ואורך גבול יהודה מן המזרח למערב על פני אורך כל גבול של א"י ים המלח למזרח וים הגדול למערב וכן כן גבולי א"י כפרשת אלה מסעי וגבול צפונו של יהודה לא היה מכוון לארכו אלא התחיל למזרח מן הירדן ועולה למערב והתחיל מקרוב לאמצעו לפנות נגד צפון ומרחיב ועולה אל כתף היבוסי היא ירושלים ומשהתחיל מן המזרח מונה והלך עד ירושלים : כתיב ועלה הגבול ולא כתיב וירד הגבול . ועוד כתיב עליה אחרת מירושלים לשר אשר על פני גי בן הנום ועד קרית יערים ומשם עד הים מאות גרות מערב כתיב וירד הגבול : ולא כתיב ועלה . ונחלת בנימין בצפון נחלה יהודה והגבול נגב נחלת בנימין הוא גבול צפון ליהודה אלא שאין אורך נחלת בנימין מן המזרח עד הים אלא עד ירושלים ועד ההר אשר על פני גי בן הנם ועד קרית יערים והיינו

הָאבֶּען צְווייא גִיהַאט גְרויסְקַייט ׃ לֵוִי דִיא כְּהוּנָה אוּנ לְוִיָה . יְהוּדָה דִיא מְלוּכָה . אוּנ בִּנְיָמִן וָואס עֶר אִיז פוּן רָחֵל הָאט גִיהַאט אַגְרויסְקַייט וָואס אוֹיף זַיין חֵלֶק אִיז גִישְׁטַאנֶען דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ . רַבִּי לֵוִי בַּר חָמָא הָט גִזָאגְט פוּן רַבִּי חָמָא בַּר חֲנִינָא וֶועגִין אַשְׁטִיק עֶרְד אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן יְהוּדָהס חֵלֶק אוּנ אִיז אַריין גִיגַאנְגֶען אִין דֶעם חֵלֶק פוּן בִּנְיָמִן . אוּנ אַשְׁטִיק פוּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז גִישְׁטַאנֶען אוֹיף דִיא שְׁטִיק עֶרְד פוּן יְהוּדָהס חֵלֶק . אוּנ בִּנְיָמִן הַצַּדִּיק הָט אַלֶע טָאג גִיהַאט צַעַר אוּנ הָאט גִיוָואלְט צוּא נֶעמֶען דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ פוּן יְהוּדָהס חֵלֶק עֶר זָאל שְׁטֵיין אִין גַאנְצֶען אוֹיף זַיין חֵלֶק . אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק חוֹפֵף עָלָיו כָּל הַיּוֹם . בִּנְיָמִין הָאט גִיוָוארְט אַגַאנְצֶען טָאג אוֹיף דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ עֶר זָאל זַיין אִין גַאנְצֶען אִין זַיין חֵלֶק . דְרִיבֶּער הָאט בִּנְיָמִין זוֹכֶה גִיוֶוען אַז דִיא שְׁכִינָה זָאל רוּהֶען אִין זַיין חֵלֶק . דֶער קָדְשֵׁי קָדָשִׁים אִיז גִישְׁטַאנֶען אוֹיף דֶעם חֵלֶק פוּן בִּנְיָמִין . אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וּבֵין כְּתֵפָיו שָׁכֵן . נָאט הָאט גִירוּהט צְווִישֶׁען דִיא אַקְסְלֶען פוּן בִּנְיָמִין פוּן הוֹיבֶּען אִיבֶּער דֶעם חֵלֶק פוּן יְהוּדָה אִיז גִיוֶוען דֶר קָדְשֵׁי קָדָשִׁים . אַזוֹי וִוי אֵיינֶער זִיצְט אוֹיף דֶעם אַקְסִיל פוּן זַיין חַבֵר :

ב דָרַשׁ . רָבָא הָאט גִידַרְשְׁנְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דָוִד אוּנ שְׁמוּאֵל זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אוּנ זֵייא זֶענֶען גִיזֶעסִין אִין נָיוֹת בְּרָמָה . וִויא קוּמְט נָיוֹת צוּ רָמָה . נָאר זֵייא זֶענֶען גִיזֶעסִין אִין רָמָה . אוּנ זֵייא הָאבֶּען גִיקֶערְט בְּנוֹיוֹ שֶׁל עוֹלָם ׃ אִין דִיא שֵׁיינְקַייט פוּן דֶער וֶועלְט . דָס מֵיינְט כֵּיין דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ . אוֹיף וֶועלְכֶען אָרְט מֶען זָאל בָּאהֶען דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ . זֵייא הָאבֶּען אַזוֹי גִיזָאגְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דוּא זָאלְסְט אוֹיף שְׁטֵיין אוּנ זָאלְסְט אַרוֹיף גֵיין צוּ דֶעם אָרְט וָואס גָאט וֶועט אִיהם אוֹיס דֶער וֵוייְלֶען . וַוייל עֶס שְׁטֵייט דוּא זָאלְסְט אַרוֹיף גֵיין וֵוייסֶען מִיר אַז דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בַּארְף שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם הֶעכְסְטֶען אָרְט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל . אוּנ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶע לֶענְדֶער . הָאבֶּען זֵייא נִיט גִיוואוּסְט וֶועלְכֶער אָרְט אִיז דֶער הֶעכְסְטֶער פוּן גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל ׃ הָאבֶּען זֵייא גִיבְּרֵיינְגְט דֶעם סֵפֶר יְהוֹשֻׁעַ . בַּייא אַלֶע שְׁבָטִים שְׁטֵייט זֵייעֶר גְרֶענְעֶץ הָאט אַרָאפּ גֶענִידֶערְט אוּנ אִיז אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען . אוּנ בַּייא דֶעם גְרֶענְעֶץ פוּן בִּנְיָמִין שְׁטֵייט דֶער גְרֶענְעֶץ אִיז אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען אוּנ אַרָאפּ גִיגַאנְגֶען שְׁטֵייט נִיט . הָאבֶּען זֵיי גִיזָאגְט

בשבט בנימין (שם יח) ועלה כתיב וירד לא כתיב אמרי ש"מ הכא הוא מקומו סבור למבנייה בעין עיטם דמידלי אמרי ניחתי ביה קליל כדכתיב (דברים לג) ובין כתפיו שכן ואבע"א גמירי בחלקו של יהודה סנהדרין יתבין ושכינה בחלקו של בנימין היא ואי מדלינן ליה אתפליג ליה טובא (ואתי לאפלוגי) מוטב ניתתי ביה פורתא כדכתיב ובין כתפיו שכ ועל דבר זה נתקנא ביה דואג האדומי בדוד כדכתיב (תהלים סט) כי קנאת ביתך אכלתני וחרפת חורפיך נפלו עלי וכתיב (שם קלב) שיר המעלות וגו' אשר נשבע לה' נדר לאביר יעקב אם אבא וגו' עד אמצא מקום וגו' הנה שמענוה באפרתה מצאנוה בשדי יער באפרתה זה יהושע דאתי מאפרים בשדי יער זה בנימין דכתיב ביה (בראשית מט) זאב יטרף:

(והיינו דקאמר הכא דבכולהו כתיב וירד הגבול ותאר ולא כתיב ועלה וכל מה שגבול לפונית של יהודה כמוך לנחלת בנימין מן המזרח עד קרית יערים): כתיב ועלה ותאר ולא כתיב וירד. ותאר אינו לא עלייה ולא ירידה למדנו שראש ההר שעל פני גי בן הנום. ולא הגבוה מן הכל והוא למעלה מירושלים דמירושלים ולשם כתיב ועלה: סבור למבנייה בעין עיטם. נראה בעיני שהיא מעין מי נפתוח האמור שם אחר עליית ההר אשר על פני גי בן הנום שלא נכתבה ירידה בינתים: ניתתי ביה קליל. נעשנו נמוך מעט ונבנה הוא בירושלים שהיא למטה כדכתיב ובין כתפיו ולא כתיב ראשו: א"ד. האי דלא בנייה בעין עיטם משום דרחוק שם נחלת בנימין מנחלת בני יהודה יותר משיעור הר הבית ואי אפשר לסמוך לשכת הגזית לעזרה ואנן בעינן סנהדרין בעזרה דכתיב וקמת ועלית וגו' והיא צריכה נהיה בחלקו של יהודה כמדפרש ואזיל דגמירי דסנהדרין בחלק יהודה כדכתיב ומחוקק מבין רגליו: את כל ענותו. שעינה עצמו לעסוק ולדעת ונשבע אם אבא באהל ביתי:

אמר

גֶעווים איז דער חלק פון בנימין דער העכסטער ארט פון ארץ ישראל. האבען זיי געוואלט באהען דעם בית המקדש בייא דעם קוואל עיטם. ווייל דער ארט איז הויך. האבען זייא געזאגט מען דארף איהם באהען אביסול נידעריגער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער רוהעט צווישען דיא אקסלען. ניט אויף דעם קאפ. ניט גאנץ הויך נאר אביסול נידעריגער. אדער דריבער האבען זייא ניט געבאהט דעם בית המקדש בייא דעם קוואל עיטם. ווייל דארט איז דער חלק פון יהודה ווייט פון דעם חלק פון בנימין. אונ מיר האבען געלערנט דיא סנהדרין דארפען זיצען אין חלק פון יהודה אונ דיא שכינה אין חלק פון בנימין; אז מען וואלט געבאהט דעם בית המקדש בייא דעם קוואל עיטם וואלטען דאך געוועזען די סנהדרין ווייט פון קדשי קדשים. דריבער האבען זייא געזאגט עס איז בעסער מיר זאלען באהען דעם בית המקדש אביסול נידעריגער; אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער רוהט צווישען דיא אקסלען [ניט אויף דעם קאפ. ניט גאנץ הויך נאר אביסול נידעריגער]. נאר עס זאל זיך צו זאמען קומען דער חלק פון יהודה נעבין דעם חלק פון בנימין. דיא סנהדרין זאלען זיין נעבען קדשי קדשים. אונ אויף דער זאך וואס דוד האט געטראפען דעם ארט וואו מען זאל שטעלען דעם בית המקדש האט דואג האדומי מקנא געוועזען דוידן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוד האט געזאגט פאר גאט דיא קנאה פון דיין שטוב האט מיך אויף געגעסין. אונ דיא לעסטערונג פון דיא וואס האבען דיך געלעסטערט איז געפאלען אויף מיר. אונ עס שטייט אין פסוק שיר המעלות לדוד וואס ער האט געשוואורין צו גאט ער האט געטאהן אנדר צו דעם שטארקען גאט פון יעקב אויב איך וועל קומען אין מיין שטוב ביז איך וועל געפינען אארט צו באהען דעם בית המקדש. מיר האבען דאס געהערט אין אפרתה. מיר האבען דאס געפונען אין שדי יער. אפרתה מיינט מען יהושע וואס ער קומט ארויס פון אפרים [אין דעם ספר יהושע האבען מיר געפונען]. בשדי יער מיינט מען בנימין וואס ביי איהם שטייט זאב יטרף. איז בנימין געגליכען צו א וואלף. אונ דער וואלף ווערט געפונען אין וואלד אונ אמאהל אין פעלד; אבער דער לייב איז נאר אין וואלד אונ אין פעלד קומט ער ניט. דריבער אז עס שטייט בשדי יער אין דיא פעלדער פון וואלד. מיינט מען נאר בנימין אונ ניט יהודה:

שנשחטו שם בעזרה: כשהוא שלם והאי עליו בגיות ובשבילו קאמר:
שלש פעמים. אם מזבח אבנים וגו' מזבח אבנים לא תניף אבנים שלמות תבנה וגו': נוב וגבעון. חד חשיב להו דשניהם במה ואינם קדושים: לא נסתלקה. שבשעת המסעות כופים עליו פסכתר ומניחין אותה במקומה: אלא בימי שלמה. נסתלקה מפני למזבח אבנים שעשה שלמה: עד שבא מנשה וסילקה ואם איתא מעיקרא דאסתלק. משהוקם משכן בשילה ובנו מזבח אבנים הוזקקה להסתלק ממזבח הנחשת: הוא דאמר. רב הונא דאמר כרבי נתן והא דלא אמרי הוא דאמר כר"א בן

קדשי קדשים פרק ששי

(דף נט) **א אמר** רב מזבח שנפגם כל הקדשים שנשחטו שם פסולין ומקרא היה בידנו ושכחנוהו כי סליק רב כהנא אשכחיה לר"ש ברבי דקאמר משום ר' ישמעאל ברבי יוסי מנין למזבח שנפגם שכל הקדשים שנשחטו שם פסולין שנאמר (שמות כ) וזבחת עליו את עולותיך ואת שלמיך וכי עליו אתה זובח אלא כשהוא שלם ולא כשהוא חסר:

(דף סא ע"ב) **ב אמר** רב הונא אמר רב מזבח של שילה של אבנים היה דתניא ר"א בן יעקב אומר מה ת"ל (שם) אבנים אבנים אבנים שלש פעמים אחד של שילה ואחד של נוב וגבעון ואחד בבית עולמים כתיב רב אחא בר אמי אש שירדה מן השמים בימי משה לא נסתלקה מעל מזבח הנחשת אלא בימי שלמה ואש שירדה בימי שלמה לא נסתלקה עד שבא מנשה וסילקה ואם איתא מעיקרא הוא דאיסתלקה ליה הוא דאמר כר' נתן דתניא ר' נתן אומר מזבח

א אָמַר ׃ רַב הָאט גִיזָאגְט אַז עֶס אִיז אָפּ גִיבְּרָאכֶען גִיוָוארֶען אַשְׁטִיקוּל פוּן מִזְבֵּחַ ׃ אַלֶע קָרְבָּנוֹת וָואס מֶען הָאט דָארטֶען גִישָׁאכטֶען זֶענֶען פָּסוּל ׃ אוּנ מִיר הָאבֶּען גִיוואוּסְט דָאס אָפּ צוּ לֶערנֶען פוּן אַפָּסוּק אוּנ מִיר הָאבֶּען פַאר גֶעסִין דֶעם פָּסוּק ׃ אַז רַב כַּהֲנָא אִיז אוֹיף גִיגַאנגֶען פוּן בָּבֶל אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט עֶר גִיטְרָאפֶען רַבִּי שִׁמְעוֹן בְּרַבִּי זָאגְט פוּן רַבִּי יִשְׁמָעֵאל בְּרַבִּי יוֹסִים וֶועגִין פוּן וַואנֶען וַוייסֶען מִיר אַז עֶס אִיז אָפּ גֶעבְּרָאכֶען גִיוָוארֶען אַשְׁטִיקוּל פוּן מִזְבֵּחַ זֶענֶען אַלֶע קָרְבָּנוֹת וָואס מֶען הָאט דָארטֶען גִישָׁאכטֶען פָּסוּל ׃ וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דוּא זָאלסְט שֶׁעכְטִין אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ דַיינֶע עוֹלוֹת אוּנ דַיינֶע שְׁלָמִים ׃ שֶׁעכְט מֶען דֶען אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ ׃ נָאר מֶען מֵיינְט דוּא זָאלסְט שֶׁעכְטִין וֶועגִין דֶעם מִזְבֵּחַ ׃ אוֹיבּ דֶער מִזְבֵּחַ אִיז גַאנְץ מֶעגְסְטוּ שֶׁעכְטִין קָרְבָּנוֹת ׃ אוּנ אוֹיבּ עֶר אִיז אַשְׁטִיקוּל צוּ בְּרָאכֶען טָאר מֶען נִיט שֶׁעכְטִין קָרְבָּנוֹת ׃ אוּנ אוֹיבּ מֶען הָאט גִישָׁאכטֶען זֶענֶען זֵייא פָּסוּל ׃

ב אָמַר ׃ רַב הוּנָא הָאט גִיזָאגְט פוּן רַבְס וֶועגִין דֶער מִזְבֵּחַ וָואס אִיז גִיוֶוען אִין שִׁילֹה אִיז גִיוֶוען פוּן שְׁטֵיינֶער ׃ וָוארוּם מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן יַעֲקֹב זָאגְט בַּיי דֶעם מִזְבֵּחַ שְׁטֵייט דְרַייא מָאהל אֲבָנִים ׃ עֶר זָאל זַיין פוּן שְׁטֵיינֶער ׃ דָאס מֵיינְט מֶען דִי דְרַייא מִזְבְּחוֹת זָאלְין זַיין פוּן שְׁטֵיינֶער ׃ אֵיין מִזְבֵּחַ פוּן שִׁילֹה ׃ דֶער אַנְדֶערֶער פוּן נוֹב אוּנ גִבְעוֹן ׃ דֶער דְרִיטֶער פוּן בֵּית הַמִקְדָשׁ ׃ רַב אַחָא בַּר אַמִי הָאט גִיפְרֶעגְט דֶער פַייעֶר וָואס אִיז אַרָאפּ גִיקוּמֶען פוּן הִימֶעל אוֹיף דֶעם קוּפֶּערְנֶעם מִזְבֵּחַ אִין דִיא צַייט פוּן מֹשֶׁה ׃ אִיז עֶר פוּן דֶעם קוּפֶּערְנֶעם מִזְבֵּחַ נִיט אַוֶועק גִיגַאנְגֶען ׃ אַפִילוּ וֶוען מֶען הָאט אִיהם גִיטְרָאגֶען אִין דֶער מִדְבָּר אִיז אוֹיךְ דֶער פַייעֶר אוֹיף אִיהם גִילֶעגִין ׃ נָאר מֶען הָאט בַּדֶעקְט דֶעם פַייעֶר מִיט אַגְרוֹיסֶע כֶּלִיו ׃ בִּיז שְׁלֹמֹה הָאט אוֹיף גִיבָּאהט אַשְׁטֵיינֶערְנֶעם מִזְבֵּחַ ׃ אִיז דֶער פַייעֶר אַרָאפּ גִיגַאנְגֶען פוּן דֶעם קוּפֶּערְנֶעם מִזְבֵּחַ ׃ אוּנ אִיז אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם שְׁטֵיינֶערְנֶעם מִזְבֵּחַ ׃ אוּנ דֶער פַייעֶר פוּן הִימֶעל וָואס אִיז גִיקוּמֶען אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ פוּן שְׁלֹמֹה ׃ אִיז נִיט אַוֶועק גִיגַאנְגֶען פוּן מִזְבֵּחַ בִּיז מְנַשֶׁה אִיז גִיקוּמֶען אוּנ הָאט אִיהם אַרָאפּ גֶענוּמֶען פוּן מִזְבֵּחַ ׃ אִיז עֶר צוּרִיק אַרוֹיף אִין הִימֶעל ׃ זָאל דָאס אַנְדֶערְשׁ זַיין אַז אִין שִׁילֹה אִיז גִיוֶוען אַשְׁטֵיינֶערְנֶער מִזְבֵּחַ ׃ אִיז דָאךְ דֶער פַייעֶר אַרָאפּ גִיגַאנְגֶען פוּן דֶעם קוּפֶּערְנֶעם מִזְבֵּחַ אוּנ אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם שְׁטֵיינֶערְנֶעם מִזְבֵּחַ וָואס אִיז גִיוֶוען אִין שִׁילֹה נָאךְ פִיל צַייט פְרִיעֶר פַאר שְׁלֹמֹה ׃ עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא רַב הוּנָא זָאגְט אַזוֹי וִויא רַבִּי נָתָן ׃ וָוארוּם מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט רַבִּי נָתָן זָאגְט דֶער מִזְבֵּחַ פוּן שִׁילֹה אִיז גִיוֶוען פוּן קוּפֶּער ׃ עֶס אִיז גִיוֶוען אַקַאסְטֶען פוּן הָאלְץ אוּנ אִין קַאסְטֶען אִיז גִיוֶוען פוּל שְׁטֵיינֶער אוּנ אוֹיף דֶעם קַאסְטִין

מזבח של שילה של נחשת היה חלול ומלא אבנים רב נחמן בר יצחק אמר מאי לא נסתלקה לא נסתלקה לבטלה מאי היא רבנן אמרי שביבא הוה משדרא רב פפא אמר אושפיזא הוה נקיט וזימנין הכא וזימנין הכא:

ג תנן התם וכשעלו בני הגולה הוסיפו עליו ד' אמות מן הדרום וד' אמות מן המערב כמין גמ"א

מ"ט א"ר יוסף משום דלא ספק א"ל אביי השתא מקדש ראשון דכתיב ביה (מ"א ד) יהודה וישראל רבים כחול אשר על שפת הים ספק מקדש שני דכתיב ביה (עזרא ב) כל הקהל כאחד ארבע רבוא לא ספק א"ל התם אש של שמים מסייעתם הכא אין אש של שמים מסייעתם:

בשלמא

יעקב משום דרבי נתן הוא דשמעינן ליה בהדיא מעשה היה כך אבל מדר"א בן יעקב לא שמעינן אלא דהוכשר בשל אבנים: לא נסתלקה לבטלה. שהיא בטלה ממזבח הנחשת לגמרי: שביבא הוה משדרא. כשהיו מקטירין על של אבנים היו זיקין ולהבות יוצאות מאש השמים שעל מזבח (הנחשת) של משה שאף הוא מונח שם: תנן התם. במס' מדות ר' יוסי אומר בתחלה בימי שלמה לא היה אלא כ"ח כונס ועולה יסוד וסובב ומקום קרנות ומקום הילוך עד שהיה מקום המערכה כ' על כ': וכשעלו בני הגולה הוסיפו עליו וכו'. נמצא יסודו ל"ב על ל"ב ומקום מערכתו כ"ד על כ"ד: גמ"א. גימ"ל יתירא עשויה כמין כ"ף פשוטה שלנו כדפריסית דרום ומערב: הכא. במקדש שני אין אש של שמים מסייעתן כדילפינן בפ"ק דיומא וארצה בו ואכבדה מחוסר ה"א אלו חמשה דברים שחסר מקדש שני ואש אחד מהן ולאמריך התם מיהוי הוה סיועי לא מסייע:

איז געווען בעדעקט מיט קופער. דאס איז דער מזבח פון משה. און דער זעלביגער מזבח איז געשטאנען אין שילה; רב נחמן בר יצחק זאגט וואס מען זאגט דער פייער איז ניט אפ געטאהן געווארין פון קופערנעם מזבח ביז שלמהס מזבח. מיינט מען ניט ער איז גאר ניט אראפ גיגאנגען פון קופערנעם מזבח ביז שלמה. נאר אזוי איז געווען. ביז שלמה איז דער פייער געוועזן אויף דעם קופערנעם מזבח פון שלמה און אויף דעם שטיינערנעם מזבח פון נוב און גבעון און שילה. דער נאך אז שלמה האט אויף גיבאהט זיין מזבח איז שוין דער פייער אין גאנצען אראפ גיגאנגען פון קופערנעם מזבח און איז ארויף גיגאנגען אויף דעם מזבח פון שלמה; וויא אזוי איז געווען דער פייער אויף ביידע מזבחות צו זאמען; דיא רבנן זאגען דער פייער איז גילעגין אויף דעם קופערנעם מזבח. נאר ווען מען האט מקריב געווען א קרבן אויף דעם שטיינערנעם מזבח זענען גפלויגן פונקן פון קופערנעם מזבח אויף דעם שטיינערנעם מזבח. רב פפא זאגט דער פייער איז אמאהל גילעגין אויף דעם מזבח. און אמאהל אויף דעם מזבח. אזוי וויא א פרעמדער מענטש קומט אין א שטאט אמאהל שטייט ער אין דעם נאסט הויז און אמאהל אין איין אנדער גאסט הויז:

ג תנן. מיר האבען גילערונט אין א משנה דער מזבח וואס שלמה האט איהם גימאכט איז געווען דער אונטערשטער קאסטען פון מזבח אכט און צוואנציג איילין דיא לייגג און אכט און צוואנציג אייליען דיא ברייט. און גאר הויבען וואו מען האט מקריב געווען דיא קרבנות איז געווען צוואנציג איילען לאנג און צוואנציג איילען ברייט. און ווען דיא יודען זענען אויף גיגאנגען פון בבל און האבען אויף גיבאהט דעם אנדערין בית המקדש האבען זייא פאר גרעסערט דעם מזבח מיט פיר איילען אין דרום זייט און פיר איילען אין מערב זייט. איז שוין געווען דער פונדאמענט צוויי און דרייסיג איילין אויף צווייא און דרייסיג איילין און דער ארט פון דיא קרבנות איז געווען פיר און צוואנציג איילען אויף פיר און צוואנציג איילען. אזוי וויא א גריכישער גימל און אונזער ך. פאר וואס האט מען גימאכט דעם מזבח גרעסער. רב יוסף זאגט ווייל דער מזבח איז געווען צוא קליין צו דיא פיל קרבנות וואס מען האט מקריב געווען אין אנדערין בית המקדש. האט אביי גזאגט צו רב יוסף מאדאך דער ערשטער בית המקדש וואס בייא איהם שטייט דיא יודען זענען געווען פיל אזוי וויא דיא זאמד וואס ביי דעם ברעג ים; איז דער מזבח גינוג געווען. ביי דעם אנדערין בית המקדש וואס בייא איהם שטייט דיא יודען זענען געווען אלע צוא זאמען דאס גאנצע פאר זאמלונג פערציג טויזענד. פאר וויא איז דער מזבח צו קליין געווען. האט רב יוסף גזאגט ווייל אין ערשטין בית המקדש איז געווען אויף דעם מזבח א פייער פון הימעל זענען דיא קרבנות געשווינד פאר ברענט געווארן.

(דף סב) **ד בשלמא** בית מינברא צורתו אלא מזבח מנא ידעי א"ר אלעזר ראו מזבח בנוי ומיכאל השר הגדול עומד ומקריב עליו ור' יצחק נפחא אמר אפרו של יצחק ראו שמונח באותו מקום ושמואל בר נחמני אמר מכל הבית כולו הריחו ריח קטורת משם הריחו ריח אברים אמר רבה בר בר חנה א"ר יוחנן ג' נביאים עלו עמהם מן הגולה אחד שהעיד עליהן על המזבח ואחד שהעיד עליהן על מקום המזבח ואחד שהעיד להן שמקריבין אע"פ שאין בית במתניתא תנא ר"א בן יעקב אומר ג' נביאים עלו עמהם מן הגולה א' שהעיד להן על המזבח ועל מקום המזבח וא' שהעיד להן שמקריבין אע"פ שאין בית ואחד שהעיד להם על התורה שתכתב אשורית :

(שם ע"ב) **ה בני** אחתיה דר' טרפון הוו יתבי קמיה דר' טרפון פתח ואמר (בראשית כה) ויוסף

בשלמא בית. ידעי לפי כנסת הגדולה מה קדוש לעזרה ומה קדוש להיכל שניכרים גורות בארות בחומות : מנא ידעי. מקומו היכא : ג' נביאים. חגי זכריה ומלאכי : א' העיד להם על המזבח. שיש לו מקום להוסיף ע' ששים אמה : על מקום המזבח. היכן היה : שמקריבין אף ע"פ שאין בית. דקדושת הבית קדושה לשעתה וקדושה לעתיד לבא : שתכתב אשורית. שמתחלה ניתנה להם בכתב עברי כתבא ליבונאה כדאמרינן בסנהדרין :

הוו יתבי קמיה דר' טרפון. ולא הוו אמרי מידי פתח ואמר כדי שידברו: יותני. מלתא בעלמא

איז געוועזן געמאכט אקלענערער מזבח. ביי דעם אנדערן בית המקדש איז ניט געוועזן קיין פייער פון הימעל אויף דעם מזבח זענען די קרבנות ניט פאר ברענט געווארען אזוי געשווינד ; זענען געלעגין פיל קרבנות אויף דעם מזבח. דריבער האט מען גיבראכט אגרעסערין מזבח :

ד בשלמא. די גמרא פרעגט דעם אנדערן בית המקדש האט מען דאך געשטעלט אויף דעם זעלבינגען ארט וואו דער ערשטער בית המקדש איז געשטאנען. דעם בית המקדש אליין האט מען געוואוסט וואו צו שטעלין. מען האט אויף געגראבען די פונדאמענטין וואס זענען געווען אין דער ערד. האט מען דער קענט וועלכער ארט איז געווען דער קדשי קדשים און וועלכער ארט איז געווען דער היכל מיט די עזרות. אבער פון וואנען הט מען געוואוסט דעם ארט פון מזבח. רבי אלעזר זאגט זייא האבען געזעהן אמזבח איז געבאהט אויף דעם הימעל און מיכאל דער גרויסער שר שטייט נעבין מזבח און איז מקריב אויף איהם נשמות פון צדיקים. האבען זייא געוואוסט אז מען דארף באהען אמזבח אויף דער ערד אונטער דעם מזבח. רבי יצחק נפחא זאגט זייא האבען געזעהן די אש פון יצחק ליגט. אויף דעם ארט פון די אש האבען זייא געשטעלט דעם מזבח. רבי שמואל בר נחמני זאגט פון דעם גאנצען ארט וואו דער בית המקדש איז געשטאנען האבען זייא געשמעקט אריח פון קטורת. פון דעם ארט וואו דער מזבח איז געשטאנען האבען זיי געשמעקט אריח פון פלייש געבראטענע ; רבה בר בר חנה זאגט פון רבי יוחנן דריי נביאים (חגי זכריה מלאכי) זענען אויף געגאנגען מיט די יודען פון בבל אין ארץ ישראל. איינער האט עדות געזאגט אויף דעם מזבח אז מען מעג אים פאר גרעסערין ביז זעכציג איילען. און איינער האט עדות געזאגט אויף דעם ארט וואו דער מזבח זאל שטיין. און איינער האט עדות געזאגט מען מעג מקריב זיין קרבנות אפילו אן בית המקדש. אין אברייתא האבען מיר געלערנט רבי אליעזר בן יעקב זאגט דריי נביאים זענען אויף געגאנגען מיט די יודען פון בבל אין ארץ ישראל. איינער האט עדות געזאגט אויף דעם מזבח אז מען מעג איהם פאר גרעסערין ביז זעכציג איילען. און נאך האט ער עדות געזאגט וואו דער מזבח זאל שטיין. דער אנדערער האט עדות געזאגט אז מען מעג מקריב זיין קרבנות אפילו אן בית המקדש. דער דריטער האט עדות געזאגט אז מען מעג שרייבען די תורה מיט כתב אשורית (אזוי ווי מיר שרייבען היינט) :

ה בני. די קינדער פון רבי טרפונ'ס שוועסטער זענען געזעסן פאר רבי טרפון און זייא האבען געשוויגען און האבען גאר ניט גירעדט. האט רבי טרפון געוואלט זייא זאלין אן הייבען ריידען. האט ער אן געהויבען צו זאגען עס שטייט אין פסוק אברהם האט גענומען אווייב און

ויוסף אברהם ויקח אשה ושמה יוחני אמרו לו קטורה כתיב קרא עליהם בני קטורה :

(דף סד) ו א"ר יוחנן בוא וראה כמה גדול כחן של כהנים שאין לך קל בעופות יותר מבורא ונוצה פעמים שהכהן זורקן יותר משלשים אמה דתנן נטל מחתה של כסף ועלה לראש המזבח וכו' :

המזבח מקדש פרק תשיעי

(דף פח ע"ב) א א"ר ענני בר ששון למה נסמכה פרשת קרבנות לפרשת בגדי כהונה לומר לך מה קרבנות מכפרין אף בגדי כהונה מכפרין כתונת מכפר על שפיכות דמים שנאמר (בראשית לז) וישחטו שעיר עזים ויטבלו את הכתנת בדם מכנסים מכפרין על גילוי עריות שנאמר (שמות כח) ועשה להם מכנסי בד לכסות בשר ערוה והמצנפת מכפרת על גסי הרוח מנין אמר רבי חנינא יבא דבר שבגובה ויכפר על גובה אבנט מכפר

הוא דקאמר כדי לפתות פיהם : בני קטורה : אינם יודעים לדבר בהלכה :
שאין לך דבר קל בעוף . ודבר בהוא קל מאד אין נוח לזורקו למרחוק : פעמים שהכהן זורקן. בשהיה רבה במזרח ונעשית בקרן מערבית דרומית צריך לזרקה יותר מל' אמה דתנן במס' תמיד מי שזכה בתרומת הדשן של מחתה נטל המחתה של כסף ועלה לראש המזבח וכו' הגיע לרצפה לסוף הכבש :

למה נסמכה . בסדר צו את אהרן זאת תורת העולה זאת תורת החטאת והאשם וזבח השלמים וסדר קח את אהרן ואת בניו אתו ואת הבגדים : ויטבלו את הכתנת . רמז הוא לעתיד לבא שמכפרת שפיכות דמים בכתונת וטבילה היינו כפרה : לכסות בשר ערוה . לחפות על גילוי עריות : אהיכא דאיתא . שהיו חוגרין כנגד אצילי ידיהם דהיינו כנגד הלב כדילפינן מפרק שני מולא יחגרו

איר נאמען איז געוועזן יוחני. האבען זיין שוועסטערס קינדער גזאגט עס שטייט דאך אין פסוק אז אברהם ווייב האט געהייסען קטורה. ניט יוחני. דער ווייל האבען זייא אן געהויבען צוא ריידען: האט רבי טרפון אויף זייא גזאגט איר זענט בני קטורה ווארום קטורה איז דער טייטש פאר בונדען. ווייל איר הט געהאלטען אייערע מיילער פאר בונדען. אונ איר האט ניט געוואלט ריידען דריבער האב איך גזאגט אז דיא ווייב פון אברהם האט געהייסען יוחני. וועט איר אייך וואונדערין אונ איר וועט אנהייבען ריידען:

ו אמר. רבי יוחנן זאגט קום אונ זעה וויא גרויס דער כח פון דיא כהנים איז געווען. עס איז נישטא ביי אעוף קיין גרינגערע זאך וויא דיא וואליע (דיא בייטיל וואס נעבין האלדז וואס דארט ליגט דאס עסין) מיט דיא פעדערין. אונ אגרינגע זאך איז שווער ווייט צוא ווארפען. אונ אמאהל טרעפט אז דער כהן ווארפט דם ווייטער ווי דרייסיג איילען:

פרק תשיעי

א אמר. רבי ענני בר ששון האט גזאגט פאר וואס שטייט אין דער תורה (אין דיא סדרה צו) דיא פרשה פון קרבנות אונ באלד דער נעבין שטייט דיא כהנים זאלין אן קליידען זייערע קליידער. צו זאגען אונז אזוי וויא דיא קרבנות זענען מכפר. אזוי זענען דיא קליידער פון כהן מכפר. דיא העמד פון כהן איז מכפר אויף דעם מענטש וואס האט געהרגת אמענטשין אונ הט פאר גאסען בלוט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא ברידער פון יוסף האבען נישאכטען אציג. אונ זייא האבען איין געטונקט דיא העמד פון יוסף אין דיא בלוט ודריבער דער רוצח ווס הט געהרגת אמענטשין. ווען ער וועט דער זעהן דיא העמד פון כהן; וועט ער זיך דער מאנען דיא העמד פון יוסף איז אויך איין געטונקט געווארען אין בלוט. וואס דיא ברידער האבען אים געוואלט הרגנן; אונ ער וועט טראכטען מאדאך דיא ברידער וואס זייא האבען יוסף ניט געהרגת. זייא האבען נאר געוואלט הרגנן זענען זייא אזוי געשטראפט געווארין. איך וואס איך האב געהרגת. וועל איך דאך געוויס געשטראפט ווערין. דריבער וועט ער תשובה טאהן. וועט איהם גאט מכפר זיין. דיא הויזען פון כהן זענען מכפר אויף דעם מענטש וואס האט מזנה געוועזן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט מאכען פאר זיי הויזען פון ליינוואנד צוא בדעקין דאס לייב פון דער ערוה. דאס מיינט מען צו מכפר זיין אויף דעם וואס הט מזנה געוועזן. אונ די היטעל

ביזע : אין אפוד . מלא עון תרפים הא יש אפוד אין תרפים כך מפרש במסכת ערכין : דבר שבקול . פעמונים שבו : ויכפר על העם . במחלוקת קרח שהיה לה"ר דכתיב ביה אתם המיתם: שבחשאי . שהיה הכהן לבדו שם כדתנן פורשים בין מן האולם ולמזבח בשעת הקטרה וכ"ש מן ההיכל

מכפר על הרהור הלב אהיכא דאיתיה . חשן מכפר על הדינין שנאמר (שם) ועשית חשן משפט אפוד מכפר על ע"ז שנאמר (הושע ג) ואין אפוד ותרפים . מעיל מכפר על לה"ר מנין א"ר חנינא יבא דבר שבקול ויכפר על קול הרע . ציץ מכפר על עזות פנים בציץ כתיב (שמות כח) והיה על מצח אהרן ובעזות פנים כתיב (ירמיה ג) ומצח אשה זונה היה לך אינ' והא אמר ריב"ל שני דברים לא מצינו כפרה בקרבנות ומצינו כפרה ממקום אחר ואלו הן שפיכות דמים ולשון הרע שפיכות דמים מעגלה ערופה לה"ר מקטורת דתני רב חנניא מנין לקטורת שמכפרת שנאמר (במדבר יז) ויתן את הקטורת ויכפר על העם ותנא דבי ר' ישמעאל על מה קטורת מכפרת על לשון הרע יבא דבר שבחשאי ויכפר על מעשה חשאי

פון כהן איז מכפר אויף דעם מענטש וואס איז גרוים ביי זיך . פון וואנען ווייסען מיר דאס . רבי חנינא זאגט עס זאל קומען דיא זאך וואס איז אין דיא הייך ודיא היטעל וואס איז אויף דעם קאפ) אונ עס זאל מכפר זיין אויף די הויכע הארץ פון מענטשין דער גארטיל פון כהן איז מכפר אויף דעם מענטש וואס האט גיטראכט אין הארצען שלעכטע טראכטונג . אויף דעם ארט וואס דער גארטיל איז . דער גארטיל איז ארומגיגארטעלט אויף דעם הארץ . איז ער מכפר אויף דיא שלעכטע טראכטונג פון הארץ . דער חשן פון כהן גדול איז מכפר אויף דיא דיינים אויב זייא האבען שלעכט גיפסקנת אדין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט מאכען חשן משפט . דער אפוד פון כהן גדול איז מכפר אויף דעם מענטש וואס האט געדינט עבודה זרה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ואין אפוד ותרפים . אז עס איז נישטא קיין אפוד . ווערט מען גישטראפט אויף דיא תרפים וואס מען האט געדינט צו זייא . אבער אז עס איז גיוועז דער אפוד איז מען ניט גישטראפט גיווארין אויף דיא תרפים ; דער מעיל פון כהן גדול איז מכפר אויף לשון הרע פון וואנען ווייסען מיר דאס . האט רבי חנינא גזאגט עס זאל קומען דיא זאך וואס קלינגט [אויף דעם מעיל איז גיוועז גלעקלאך . אז דער כהן גדול איז גיגאנגען האט גיקלונגען] אונ עס זאל מכפר זיין אויף דעם קלאנג פון דיא רייד וואס ער האט גירעט לשון הרע . דער ציץ איז מכפר אויף עזות פנים . ווארום ביי דעם ציץ שטייט ער זאל זיין אויף דעם שטערין פון אהרן . אונ ביי דעם עזות פנים שטייט דוא האסט בעקומען אשטערין פון העזה אזוי וויא אאשה וואס איז מזנה . זאל קומען דער ציץ וואס ליגט אויף דעם שטערין פון כהן גדול אונ זאל מכפר זיין אויף דעם שטערין פון דעם עזות פנים . פרעגט דיא גמרא עס איז דאך ניט אזוי . ווארום רבי יהושע בן לוי האט גזאגט אויף צוויי זאכען געפינען מיר ניט קרבנות זאל מכפר זיין ; געפינען מיר צו זייא אכפרה פון איין אנדער ארט . דאס זענען דיא צווייא זאכען . קרבנות זענען ניט מכפר אויף דעם מענטש וואס האט גיהרגת אמענטשין . אונ קרבנות זענען ניט מכפר אויף דעם מענטש וואס האט גירעט לשון הרע . נאר דיא עגלה ערופה וואס עס שטייט אין סוף סדרת שופטים] איז מכפר אויף דעם מענטש וואס האט גיהרגת אמענטשין . אונ דיא קטורת איז מכפר אויף דעם מענטש וואס האט גירעט לשון הרע . ווארום רב חנניא האט גילערונט פון וואנען ווייסען מיר אז קטורת איז מכפר אויף לשון הרע . ווארום עס שטייט אין פסוק ער האט גינעבין דיא קטורת אונ ער האט מכפר גיוועז אויף דעם פאלק וואס האבען גירעט לשון הרע ביי דיא קריג פון קרח . דבי רבי ישמעאל האבען גילערונט אויף וועלכע עבירה איז קטורת מכפר . אויף לשון הרע . עס זאל קומען דיא זאך וואס ווערט גיטאהן אין דער שטיל ווארום ווען דער כהן איז מקטיר קטורת טאר קיינער ניט זיין אין היכל אונ ניט אין אולם) אונ עס זאל מכפר זיין אויף לשון הרע וואס עס ווערט גירעט אין דער שטיל . איז דאך אקשיא פריער שטייט אז דיא העמד פון כהן איז מכפר אויף דעם וואס הרגת אמענטש . אונ דא שטייט אז

חשאי קשיא שפיכות דמים אשפיכות דמים קשיא לה"ר אלה"ר ש"ד אש"ד לא קשיא הא דידיע מאן קטליה הא דלא ידיע מאן קטליה אי ידיע מאן קטליה בר קטליה הוא במזיד ולא התרו ביה ולשון הרע אלשון הרע נמי לא קשיא הא בצנעא הא בפרהסיא :

דם חטאת פרק אחד עשר

(דף צ ע"ב) **א** רב יצחק בר יהודה הוה רגיל קמיה דרמי בר חמא שבקיה ואזיל לרב ששת יומא חד פגע ביה א"ל אלקפתא נקטן ריחא אתי ליה ליד משום דאזלת לך לקמיה דרב ששת הוית לך כי רב ששת א"ל לאו משום הכי . מר כי בעינא מלתא פשיטת לי מסברא כי משכחנא מתניתא פרכא ליה . רב ששת כי בעינא מילתא מיניה פשיט לי כמתניתא דכי נמי משכחנא מלתא ופרכא מתניתא ומתניתא היא א"ל

דילפינן מוכל אדם לא יהיה וגו' ביומא : ידיע מאן קטליה . כתונת מכפרת על הלובש שלא יענשו : בר קטלא . וכמה דלא קטלי ליה מיענשי דכתיב ולארץ לא יכופר ומשני : במזיד ולא אתרו ביה . דלאו בר קטלא הוא שלכך לבוש מכפרי בכתונת והוא נעשה כאין עליו כדאיתא בערכין : בצנעא . דהוי דבר שבחשאי קטורת מכפרת שבאה בחשאי : בפרהסיא . שהוא דבר שבקול קול הפעמונים מכפר :

פגע ביה'. רמי בר רב יצחק : א"ל . רמי לרב יצחק. אלקפתא נקטן ריחא אתי ליה ליד . משום דאזלת לך לקמיה דרב ששת הוית לך כי רב ששת משל הוא על גבי ברוה שמשתדלים לעמוד במקום גדולים ואמר הדוכוס אהני בידי וריח המלוכה נקלט לתוך ידי . אלקפתא דוכוס במסכת שבועות : א"ל לאו . לגאוה נתכונתי : משכחנא מתניתא . דלא אמרה הכי : פרכא ליה . למלתיה דמר דמטעתא דאמורא במקום מתניתא ליתא : פשיט ממתניתא . שהברייתות סדורות בפיו כדאמרינן בעירובין רב חסדא מרחשן שפוותיה ממתניתא דרב

דיא עגלה ערופה איז מכפר אויף דעם וואס הרגת אמענטש . אונ פריער שטייט אז דער מעיל איז מכפר אויף דעם מענטש וואס רעט לשון הרע . אונ דא שטייט אז דיא קטורת איז מכפר אויף דעם מענטש וואס רעט לשון הרע . ענטפערט דיא גמרא פון הרגנן אויף הרגנן איז ניט קיין קשיא : אז מען וויים ווער עס האט דעם מענטש גיהרגת . איז דיא העמד פון כהן מכפר . אונ אז מען וויים ניט ווער עס האט דעם מענטש גיהרגת . איז דיא עגלה ערופה מכפר : פרעגט דיא גמרא אז מען וויים ווער עס האט איהם גיהרגת . דארף מען דאך דעם רוצח הרגנן . ענטפערט דיא גמרא דא שמועסט אז דער רוצח האט טאקי גיהרגת מיט ווילען אמענטשין . נאר מען האט איהם ניט אן גזאגט פריער ער זאל ניט הרגנן . דארף מען איהם ניט הרגנן . דריבער איז דיא העמד פון כהן מכפר . אונ לשון הרע אויף לשון הרע איז ניט קיין קשיא : אז ער האט גירעט לשון הרע אין דער שטיל . איז דיא קטרת מכפר . אונ אז ער האט גירעט לשון הרע ווען פיל מענטשין האבען גיהערט . איז דער מעיל מכפר :

פרק אחד עשר

א רב יצחק בר יהודה איז גיוועזן גיוואוהנט צו לערנען ביי רמי בר חמא : האט ער אוועק גילאזין רמי בר חמא אונ איז גיגאנגען לערנען בייא רב ששת . אמאהל האט רמי בר חמא בגעגינט רב יצחק . האט רמי גזאגט צו רב יצחק דער מענטש וואס איז גרויס בייא זיך זאגט אז דער מלך האט מיך אן גענומען בייא דער האנט . איז דער ריח פון דער מלוכה איין גיזאפט גיווארן אין מיין האנט . ביי דיר איז אויך אזוי . ווייל דוא ביזט גיגאנגען לערנען פאר רב ששת מיינסטו אז דוא ביסט שוין אזוי וויא רב ששת . האט רב יצחק גזאגט צוא רמי . ניט ווייל איך בין גרוים בייא זיך בין איך גיגאנגען צוא רב ששת . נאר אז איך האב גיפרעגט בייא דעם רבי א קשיא . האט דער רבי מיר גיענטפערט א תירוץ פון זיין שכל . אז איך האב גיפונען א ברייתא וואס אין איר שטייט אנדערש וויא דער רבי האט גזאגט . אונ איך פרעג פון דיא ברייתא אויף דעם רבים רייד . האב איך שוין ניט קיין תירוץ . ווארום דער דין איז וויא דיא ברייתא ניט וויא דיא רייד פון רבי . אונ אז איך פרעג אזאך ביי רב ששת . ווייזט ער מיר באלד א ברייתא צו פאר ענטפערין מיין קשיא . אונ אז איך געפין איין אנדער ברייתא וואס עס שטייט אין איר אנדערש . איז ניט קיין קשיא . ווארום א ברייתא מעג קריגען אויף א ברייתא . הט רמי גזאגט צו

א"ל בעי מינאי מילתא דאפשוט לך כי מתניתא בעא מיניה בישל במקצת כלי וכו':

טבול יום פרק שנים עשר

(דף קא ע"ב) **א** **א"ר** אלעזר א"ר חנינא לא נתכהן פנחס עד שהרגו לזמרי דכתיב (במדבר כה) והיתה לו ולזרעו אחריו ברית כהונת עולם רב אשי אמר עד ששם שלום בין השבטים שנאמר (יהושע כב) וישמע פנחס הכהן וגו' ולרב אשי הא כתיב נמי והיתה לו ולזרעו כי כתיב ההוא בברכה כתיב ולרבי חנינא נמי הא כתיב וישמע פנחס הכהן ההוא ליחס זרעו אחריו:

ב **אמר** רב משה רבינו כ"ג וחולק בקדשי שמים היה שנאמר (ויקרא ח) מאיל המלואים למשה היה למנה מיתיבי והלא פנחס היה עמהם ואם איתא לימא והלא משה רבינו היה עמהם דלמא שאני

משום כי נמי מתניתא וכו': דאיפשיט לך כי מתניתא. מסברא איפשוט לך וכי תידוק במתניתא תשכח כוותאי:

ברית כהונת עולם גו'. אלמא מכאן ואילך כהן הוא: עד ששם שלום בין השבטים. בימי יהושע כשבנו בני גד ובני ראובן בנו את המזבח בעבר הירדן ובקשו שאר שבטים לעלות עליהם לצבא ושלחו את פנחס לדבר עמהם וכתיב וישמע פנחס הכהן בכל מקום שאתה מוצא פנחס בן אלעזר הכהן אין כתיבא כהונה אלא באלעזר וכאן כתיבא בפנחס: בברכה. בשעה שלא נפסק כהונה מזרעו אבל עדיין לא נתכהן: ליחס זרעו אחריו. מימי משה נהרגין וכששם שלום נתייחס ליקרא כהן ונייחס זרעו במעלות כהונה להיותם כהנים גדולים שלא היו כהנים גדולים אלא מפנחס:

למשה היה למנה. לשון חלוקה בכהנים: טרוד בשכינה. ולא עסיק בהכנת קדשים: שהדבור עודדו להיות תמיד בהר מבקר ועד ערב:

רַב יִצְחָק פְּרֶעגְ בַּיי מִיר אַזַאךְ אוּנ אִיךְ וֶועל דִיר עֶנְפֶּערִין מִיט מַיין שֵׂכֶל. אוּנ אַז דוּא וֶועסְט זוּכֶען וֶועסְטוּ גֶעפִינֶען אַבְּרַייתָא וֶועט אויךְ זָאגֶען אַזוֹי וִוי אִיךְ זָאג:

פרק שנים עשר

א אָמַר. רַבִּי אֶלְעָזָר הָאט גְזָאגְט פוּן רַבִּי חֲנִינָא וֶועגִין פִּינְחָס אִיז נִיט גִיוֶוען אַכֹּהֵן בִּיז עֶר הָאט גִיהַרְגֶעט זִמְרִי. ווארוּם דֶער נָאךְ וִויא עֶר הָאט גִיהַרְגֶעט זִמְרִי הָאט גָאט גְזָאגְט דִיא כְּהוּנָה וֶועט זַיין צוּא פִּינְחָס אוּנ צוּא זַיינֶע קִינְדֶער נָאךְ אִיהם בִּיז אֵייבִּיג. אוּנ פוּן דֶער צַייט אוּנ וַוייטֶער אִיז שׁוֹין פִּינְחָס גִיוֶוען אַכֹּהֵן. רַב אַשִׁי זָאגְט פִּנְחָס אִיז נִיט גִיוָוארִין אַכֹּהֵן בִּיז דֶער צַייט וָואס עֶר הָאט גִימַאכְט שָׁלוֹם צְוִוישֶׁען דִיא שְׁבָטִים [אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין סֵפֶר יְהוֹשֻׁעַ קַפִּיטֶל כב. פִּינְחָס הַכֹּהֵן הָאט גִיהֶערְט פוּן דֶעם מִזְבֵּחַ וָואס מֶען הָאט גִיבָּאהט אוֹיף דֶער זַייט יַרְדֵּן. רוּפְט אִיהם דֶער פָּסוּק פִּינְחָס הַכֹּהֵן. ווייל אִיצְט אִיז עֶר גִיוָוארִין אַכֹּהֵן. אָבֶּער בִּיז אִיצְט שְׁטֵייט פִּינְחָס בֶּן אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן. דֶער וָוארְט הַכֹּהֵן גֵייט אוֹיף אֶלְעָזָר. נִיט אוֹיף פִּינְחָס]: פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא בַּאלְד וִויא פִּינְחָס הָאט גִיהַרְגֶעט זִמְרִי הָאט גָאט גְזָאגְט אוֹיף פִּינְחָס אַז דִיא כְּהוּנָה וֶועט זַיין צוּ אִיהם אוּנ צוּ זַיינֶע קִינְדֶער נָאךְ אִיהם. אִיז דָאךְ פִּינְחָס גִיוָוארִין אַכֹּהֵן בַּאלְד נָאךְ דִיא מַעֲשֶׂה פוּן זִמְרִי. אִיז דָאךְ אַקַשְׁיָא אוֹיף רַב אַשִׁי. עֶנְפֶערְט רַב אַשִׁי דָס אִיז נָאר אַבְּרָכָה. גָאט הָאט גְזָאגְט צוּ פִּנְחָס שְׁפֶּעטֶער אַז עֶר וֶועט וֶוערִין אַכֹּהֵן וֶועט שׁוֹין דִי כְּהוּנָה בַּייא אִיהם בְּלַייבֶּען בִּיז אֵייבִּיג. אָבֶּער דֶער ווייל אִיז עֶר נָאךְ נִיט גִיוָוארִין אַכֹּהֵן. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא עֶס שְׁטֵייט דָאה פִּינְחָס הַכֹּהֵן הָאט גִיהֶערְט פוּן דֶעם מִזְבֵּחַ. ווייל אִיצְט רוּפְט מֶען אִים פִּינְחָס הַכֹּהֵן. גֶעוִוים אִיז עֶר אִיצְט גִיוָוארִין הַכֹּהֵן. אִיז דָאךְ אַקַשְׁיָא אוֹיף רַבִּי חֲנִינָא: עֶנְפֶערְט רַבִּי חֲנִינָא פִּינְחָס אִיז שׁוֹין גִיוָוארִין אַכֹּהֵן בַּיי דֶער מַעֲשֶׂה פוּן זִמְרִי. נָאר דָא בַּיי דֶער מַעֲשֶׂה פוּן מִזְבֵּחַ רוּפְט עֶר נָאךְ אַמָאהל פִּנְחָס הַכֹּהֵן. צוּ זָאגֶען אַז אַלֶע כֹּהֲנִים גְדוֹלִים וֶועגֶען נָאר גִיוֶוען פוּן פִּנְחָס מִשְׁפָּחָה:

ב אָמַר. רַב הָאט גְזָאגְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גִיוֶוען אַכֹּהֵן גָדוֹל. אוּנ עֶר הָאט גִינוּמֶען אַחֵלֶק פוּן דִיא קָרְבָּנוֹת גְלַייךְ מִיט אַלֶע כֹּהֲנִים. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מֹשֶׁה הָאט גֶענוּמֶען אַחֵלֶק פוּן דֶעם אַיִל וָואס מֶען הָאט גִישָׁאכְטֶען צוּ דִיא מִלוּאִים. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא פִּנְחָס אִיז דָאךְ גִיוֶוען מִיט זֵייא. זָאל דָאס זַיין אַז מֹשֶׁה אִיז גִיוֶוען אַכֹּהֵן גָדוֹל. זָאל עֶר זָאגֶען

שאני משה דטריד בשכינה דאמר מר משה בהשכמה עלה זבהשכמה ירד :

ג מיתיבי מרים מי הסגירה א"ת משה הסגירה משה זר הוא (ע"כ) ואין זר רואה את הנגעים א"ת אהרן הסגירה אהרן קרוב הוא ואין קרוב רואה את הנגעים אלא כבוד גדול חלק לה הקב"ה למרים באותה שעה אני כהן ואני מסגירה אני חולטה ואני פוטרה קתני מיהת משה זר ואין זר רואה את הנגעים אמר רב נחמן בר יצחק שאני מראות נגעים דאהרן ובניו כתובים בפרשה . מיתיבי חמש שמחות היתה אלישבע יתירה על בנות ישראל יבמה מלך אישה כ"ג בנה סגן בן בנה משוח מלחמה ואחיה נשיא שבט ואבלה על ב' בניה קתני מיהת יבמה מלך אין כ"ג לא אימא אף מלך :

בהשכמה עלה לגג . בימי מתן תורה כשהיה עולה ויורד לקדש את העם ולהשיב דברי העם אל ה' גם כ"ע במס' שבת אלמא טרוד הוה : ואין זר רואה את הנגעים . דכתיב והובא אל אהרן וגו' : אין קרוב רואה את הנגעים . כדתניא בסנהדרין כל ריב וכל נגע מה ריבים שלא בקרובים אף נגעים שלא בקרובים : היתה אלישבע יתירה . ביום שהוקם המשכן קאי כסדר עולם : בנה סגן . אלעזר : בן בנה . פנחס משוח מלחמה כדאשכחן במדין אותם ואת פנחס בן אלעזר הכהן לצבא והוא המדבר אל העם שמע ישראל אתם קרבים היום למלחמה על אויביכם : ואחיה . נחשון : נאמר בו רושם . מה סימן של חרון היה שם פעמים שהאף פעמים נזיפה פעמים קללה וחירוף כגון

ד ויחר (דף קכ) (שמות ד) אף ה' במשה רבי יהושע בן קרחה אומר כל חרון אף שבתורה נאמר בו רושם וזה לא נאמר בו

מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז דָאךְ גִיוֶועְן מִיט זַייא. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא מֹשֶׁה אִיז אַנְדֶערְשׁ עֶר אִיז גִיוֶועְן פַאר נוּמֶען מִיט גָאט. וָוארוּם דֶער תַּנָּא הָט גְזָאגְט אַז מֹשֶׁה פְלֶעגְט אַרוֹיף גֵיין צוּ גָאט גַאנְץ פְרִיא אוּנ פְלֶעגְט אַרָאפּ גֵיין פוּן גָאט גַאנְץ פְרִיה. דְרִיבֶּער הָאט עֶר קֵיין צַייט נִיט גִיהַאט צוּ עֶסִין פוּן דִי קָרְבָּנוֹת :

ג מֵיתִיבֵיה. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא וֶוען מִרְיָם אִיז קְרֶעצִיג גִיוָוארֶען וֶוער הָאט אִיר פַאר שְׁלָאסֶען אוֹיף דִיא זִיבֶּען טֶעג. וֶועסְטוּ זָאגֶען מֹשֶׁה הָאט אִיר פַאר שְׁלָאסֶען. מֹשֶׁה אִיז דָאךְ נִיט קֵיין כֹּהֵן. אוּנ דֶער וָואס אִיז נִיט אַכֹּהֵן טָאר נִיט זֶעהֶן אַנֶגַע צוּ מֶען דַארְף אִיר פַאר שְׁלִיסֶען אָדֶער גֵיין. וֶועסְטוּ זָאגֶען אַהֲרֹן הָאט אִיר פַאר שְׁלָאסֶען. אַהֲרֹן אִיז דָאךְ אִירֶער אַפְרַייְנְד (אַבְּרוּדֶער) אוּנ אַפְרַייְנְד טָאר נִיט זֶעהֶן אַנֶגַע צוּא מֶען דַארְף אִיר פַאר שְׁלִיסֶען אָדֶער נִיין. נָאר גָאט הָאט אִין דֶער צַייט גִיגֶעבִּין גְרוֹיס כָּבוֹד צוּ מִרְיָם. גָאט הָאט גְזָאגְט אִיךְ בִּין אַכֹּהֵן אִיךְ וֶועל זַייא פַאר שְׁלִיסֶען אִיךְ וֶועל זַייא מְטַמֵּא זַיין אוּנ אִיךְ וֶועל זַייא מְטַהֵר זַיין. דֶער וַוייל זָאגְט דִיא גְמָרָא אַז מֹשֶׁה אִיז נִיט גִיוֶועְן אַכֹּהֵן. אוּנ דֶער וָואס אִיז נִיט אַכֹּהֵן טָאר זִיךְ נִיט מִישֶׁען אִין דִיא דִינִים פוּן נְגָעִים. אִיז דָאךְ אַקַשְׁיָא אוֹיף רַב וָואס עֶר זָאגְט אַז מֹשֶׁה אִיז גִיוֶועְן אַכֹּהֵן גָדוֹל. רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק זָאגְט מֹשֶׁה אִיז טַאקִי גִיוֶועְן אַכֹּהֵן גָדוֹל. נָאר וַוייל אִין דֶער תּוֹרָה שְׁטֵייט אַז נְגָעִים זֶעהְן מוּז נָאר אַהֲרֹן אָדֶער זַיינֶע קִינְדֶער דְרִיבֶּער הָאט מֹשֶׁה נִיט גִיטָארְט זֶעהֶן דִיא נְגָעִים פוּן מִרְיָם. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט פִינְף שִׂמְחוֹת הָט אֱלִישֶׁבַע גִיהַאט מֶער וִויא אַלֶע וַוייבֶּער. אִיר שְׁוָואגֶער מֹשֶׁה אִיז גִיוֶועְן אַמֶלֶךְ. אִיר מַאן אַהֲרֹן אִיז גִיוֶועְן אַכֹּהֵן גָדוֹל. אִיר זוּהן אֶלְעָזָר אִיז גִיוֶועְן דֶער אַנְדֶערֶער פוּן כֹּהֵן גָדוֹל. אִיר אֵיינִיקְל פִּינְחָס אִיז גִיוֶועְן דֶער גִיזַאלְבְּטֶער פוּן מִלְחָמָה וֶוער הָאט גִירֶעט צוּ דִיא יוּדֶען דִיא פְּסוּקִים וָוס עֶס שְׁטֵייט אִין דֶער תּוֹרָה אִין דִיא סֵדְרָה שׁוֹפְטִים. אִיר בְּרוּדֶער נַחְשׁוֹן אִיז גִיוֶועְן אַנָשִׂיא פוּן אַשֵׁבֶט. אוּנ זִיא הָט גִיטְרוֹיעֶרְט אוֹיף אִירֶע צְווֵיי זִיהְן אוֹיף נָדָב אוּנ אֲבִיהוּא וָואס זֶענֶען אִין דֶעם טָאג גִישְׁטָארְבֶּען. זָאגְט דִיא גְמָרָא אַז אִיר שְׁוָואגֶער מֹשֶׁה אִיז גִיוֶועְן אַמֶלֶךְ. נָאר אַמֶלֶךְ אִיז עֶר גִיוֶועְן. אָבֶּער נִיט אַכֹּהֵן גָדוֹל. אִיז דָאךְ אַקַשְׁיָא אוֹיף רַב. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא מֹשֶׁה אִיז גִיוֶועְן אַכֹּהֵן גָדוֹל אוּנ אַמֶלֶךְ אוֹיךְ. נָאר וַוייל דֶער יִחוּס פוּן כֹּהֵן גָדוֹל הָאט זִיא גִיהַאט בַּייא אִיר מַאן. דְרִיבֶּער הָאט זִיא אִיהם נִיט גִירֶעכֶנְט בַּיי אִיר שְׁוָואגֶער מֹשֶׁה. זִיא הָט נָאר גִירֶעכֶנְט דִי מְלוּכָה פוּן מֹשֶׁה וָוס עֶר אִיז גִיוֶועְן אַמֶלֶךְ :

ד וַיִּחַר אַף ה' בְּמֹשֶׁה. עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט אִיז אִין כַּעַס גִיוָוארִין אוֹיף מֹשֶׁה ג

רושם ר׳ שמעון בן יוחאי אומר אף זה נאמר בו רושם שנאמר (שם) הלא אהרן אחיך הלוי והלא כהן הוא ה״ק אני אמרתי אתה כהן והוא לוי ועכשיו הוא כהן ואתה לוי וחכ״א לא נתכהן משה אלא שבעת ימי המלואים בלבד וי״א לא פסקה כהונה אלא מזרעו של משה שנאמר (ד״ה א כג) ומשה איש האלהים בניו יקראו על שבט הלוי ואומר (תהלים צט) משה ואהרן בכהניו ושמואל בקוראי שמו מאי ואומר וכי תימא קרא לדורות הוא דכתיב ואומר משה ואהרן בכהניו. וכל חרון אף שבתורה נאמר בו רושם והכתיב (שמות יא) ויצא מעם פרעה בחרי אף ולא א״ל ולא מידי אמר ריש לקיש סטרו ויצא ומי אמר ר״ל הכי והכתיב (שם ז) ונצבת לקראתו על שפת היאור ואמר ר״ל מלך הוא והסבר לו פנים ור׳ יוחנן אמר רשע הוא והעיז פניך בו איפוך.
א״ר

פירוש

ויחר אף שאול וכתיב בתריה בן נעות המרדות. ויחר אף אליהוא לא רבים יחכמו. ויחר אף יעקב ברחל התחת אלהים אני לשון נזיפה הוא: הלא אהרן אחיך הלוי. שהיה ראוי להיות לוי ידעתי כי דבר ידבר הוא ומשה זכה לכהונה: לא נתכהן משה. לא פסקו לו כהונה מעולם: וי״א לא פסקה כהונה אלא מזרעו. אבל הוא כל ימיו היה כהן (דאמרינן בגמרא דמשה רבינו היה כ״ג כי״א): בניו יקראו על שבט הלוי. אבל הוא כהן: וכי תימא לדורות הוא דכתיב. לאחר זמן נכתב כשהיו מיחסין את הכהונה ואת הלויה ולהכי נקט בניו יקראו דלא הוה ליה למימר משה יקרא על שבט הלוי שהרי לא היה קיים ואין לו לומר אלא על המתיחסים: סטרו. הכהו על לחייו: הסבר לו פנים. והיינו ונצבת לקראתו לפי גדולתו הכון לקראתו: העיז בו פניך. והיינו ונצבת לקראתו

רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן קָרְחָה זָאגְט וואוּ עֶס שְׁטֵייט אִין דֶער תּוֹרָה חֲרוֹן אַף ׃ אִיז גֶיוֶוען דֶער בַּייא אַצֵייכֶען נַאקְלָלָה . אָדֶער גֶישְׁלָאגֶען . אָדֶער אָן גֶעשְׁרִיגֶען . אָדֶער פַאר שֶׁעמְט] . אוּנ בַּייא דֶעם חֲרוֹן אַף אִיז גָאר קֵיין צֵייכֶען נִיט גֶיוֶוען . רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי זָאגְט בַּיי דֶעם חֲרוֹן אַף אִיז אוֹיךְ גֶיוֶוען אַצֵייכֶען ׃ וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דַיין בְּרוּדֶער אַהֲרֹן הַלֵּוִי . אַהֲרֹן אִיז דָאךְ גֶיוֶוען אַכֹּהֵן . פַאר וָואס שְׁטֵייט הַלֵּוִי ׃ נָאר אַזוֹי הָט גָאט גֶזָאגְט צוּ מֹשֶׁה . אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט דוּא זָאלְסְט זַיין אַכֹּהֵן . אוּנ דַיין בְּרוּדֶער אַהֲרֹן זָאל זַיין אַלֵּוִי ׃ אִיצְט וֶועט עֶר זַיין אַכֹּהֵן אוּנ דוּא וֶועסְט זַיין אַלֵּוִי . אוּנ אַזוֹי מֵיינְט דֶער פָּסוּק דַיין בְּרוּדֶער אַהֲרֹן וָואס עֶר וָואלְט גִידַארְפְט זַיין אַלֵּוִי . וֶועט עֶר אַרוֹיס גֵיין גֶעגֶען דִיר . אוּנ דִיא חֲכָמִים זָאגֶען מֹשֶׁה אִיז נִישְׁט מֶער גֶיוֶוען אַכֹּהֵן נָאר דִי זִיבֶּען טֶעג פוּן מִלּוּאִים . אַנְדֶערֶע זָאגֶען מֹשֶׁה אִיז גֶיוֶוען אַכֹּהֵן אַזוֹי לַאנְג וִויא עֶר הָט גִילֶעבְּט . נָאר דִיא קִינְדֶער פוּן מֹשֶׁה זֶענֶען נִיט גֶיוֶוען קֵיין כֹּהֲנִים . אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מֹשֶׁה דֶער גֶעטְלִיכֶער מֶענְטְשׁ זַיינֶע . קִינְדֶער וֶועלִין גֶירוּפֶען וֶוערִין אוֹיף דֶעם שֵׁבֶט לֵוִי . נָאךְ אַפָּסוּק שְׁטֵייט מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן בְּכֹהֲנָיו . מֹשֶׁה אוּנ אַהֲרֹן זֶענֶען גֶיוֶוען זַיינֶע כֹּהֲנִים . וֶועהְן מִיר אַז מֹשֶׁה אִיז גֶיוֶוען אַכֹּהֵן ׃ צוּ וָואס בְּרֵיינְגְט דִיא גְמָרָא דֶעם אַנְדֶערִין פָּסוּק . מִיר וֵוייסֶען דָאךְ שׁוֹין פוּן עֶרְשְׁטִין פָּסוּק אַז מֹשֶׁה אִיז גֶיוֶוען אַכֹּהֵן . נָאר טָאמֶער וֶועסְטוּ זָאגֶען אַז דֶער עֶרְשְׁטֶער פָּסוּק אִיז גֶעשְׁרִיבֶּען גֶיוָוארִין דֶער נָאךְ וִויא מֹשֶׁה אִיז שׁוֹין גֶישְׁטָארְבֶּען . דְרִיבֶּער שְׁטֵייט דִיא קִינְדֶער פוּן מֹשֶׁה וֶוערִין גִירוּפֶען אוֹיף דֶעם שֵׁבֶט לֵוִי . אוּנ עֶס שְׁטֵייט נִיט מֹשֶׁה וֶוערְט גִירוּפֶען אוֹיף דֶעם שֵׁבֶט לֵוִי . וַוייל מֹשֶׁה אִיז שׁוֹין נִיט גֶיוֶוען . אָבֶּער מֹשֶׁה אַלֵיין אִיז אוֹיךְ גִירוּפֶען גֶוָוארֶן אוֹיף דֶעם שֵׁבֶט לֵוִי . וַוייל עֶר אִיז אוֹיךְ גֶיוֶוען נָאר אַלֵּוִי . שְׁטֵייט אִין אַנְדֶערִין פָּסוּק מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן בְּכֹהֲנָיו ׃ מֹשֶׁה אוּנ אַהֲרֹן זֶענֶען גֶיוֶוען דִיא כֹּהֲנִים פוּן גָאט . פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ זָאגְט וואוּ עֶס שְׁטֵייט אִין דֶער תּוֹרָה חֲרוֹן אַף אִיז גֶיוֶוען דֶער בַּיי אַצֵייכֶען . עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין פָּסוּק מֹשֶׁה אִיז אַרוֹס גֶגַאנְגֶען פוּן פַּרְעֹה בָּחֳרִי אַף [מִיט כַּעַס] . אוּנ מֹשֶׁה הָאט גָאר נִיט גֶזָאגְט צוּא פַּרְעֹה קֵיין שְׁלֶעכְטֶע וֶוערְטֶער . הָט רֵישׁ לָקִישׁ גֶזָאגְט מֹשֶׁה הָאט גִירֶעט צוּ פַּרְעֹה אַזֶעלְכֶע שְׁלֶעכְטֶע וֶוערְטֶער גְלַייךְ וִויא עֶר וָואלְט אִיהם גִישְׁלָאגֶען דֶער נָאךְ אִיז עֶר אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען . פְרֶעגְט דִי גְמָרָא הָאט דֶען רֵישׁ לָקִישׁ אַזוֹי גֶזָאגְט . עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין פָּסוּק גָאט הָאט גֶזָאגְט צוּא מֹשֶׁה דוּא זָאלְסְט דִיךְ שְׁטֶעלִין גֶעגְן פַּרְעֹה בַּיי דֶעם בְּרֶעג טַייךְ . הָאט רֵישׁ לָקִישׁ גֶזָאגְט אַזוֹי הָאט גָאט גֶזָאגְט צוּא מֹשֶׁה . פַּרְעֹה אִיז אַמֶלֶךְ זָאלְסְטוּ אִיהם גֶעבִּין כָּבוֹד . אוּנ דוּא זָאלְסְט שְׁטֵיין פַאר פַּרְעֹה מִיט כָּבוֹד אַזוֹי וִויא פַאר אַמֶלֶךְ . אוּנ רַבִּי יוֹחָנָן זָאגְט אַזוֹי הָט גָאט גֶזָאגְט צוּ מֹשֶׁה ׃ פַּרְעֹה אִיז אַרָשָׁע

א"ר ינאי לעולם תהא איכת מלכות עליך דכתיב (שם יא) וירדו כל עבדיך אלה אלי ואילו לדידיה לא קאמר ליה ר' יוחנן אמר מהכא (מ"א יח) ויד ה' היתה אל אליהו וישנס מתניו וירץ לפני אחאב. אמר עולא בקש משה רבינו מלכות ולא נתנו לו דכתיב (שמות ג) אל תקרב הלום ואין הלום אלא בית מלכות שנאמר (ש"ב ז) מי אנכי ה' אלהים ומי ביתי כי הביאתני עד הלום

למלחמה לדבר עזות: ואילו לדידיה לא קאמר ליה. וירדו אלי וישתחוו ואף ע"ג דמסקנא הכי הוה דכתיב ויקרא למשה ולאהרן וגו': וירץ לפני אחאב דכוב היה והוא רץ לפניו שהיה אחאב יחידי ולאו אורח ארעא: מי אנכי. דוד המע"ז: שאני שאול דאפילו בגויה לא קיימא. ויהא הלום מלכות עולמים הוא כשפסקו לשאול מלכות עולמים פסקו לו אבל הוא גרם לעצמו שהפסק כימנו: כדר' אלעזר. דאמר ואם בניו דעתו

וכל היכא דכתיב הלום לדורות הוא והא גבי שאול דכתיב (ש"א י) הבא עוד הלום איש הוא אין זרעו לא אבע"א הא הוה איש בושת ואבע"א שאני שאול דאפי' בגויה לא קיימא כדר' אלעזר א"ר חנינא דאר"א א"ר חנינא בשעה שפוסקין גדולה לאדם פוסקין לו ולזרעו עד

זאלכטו שטיין געוויז אידם מיט העזה און זאלסט קריגען מיט אידם. זעהן מיר אבער אז ריש לקיש האלט אז משה איז געשטאנען פאר פרעה מיט כבוד: חיא אזוי זאגט ריש לקיש אז משה האט גירעט שלעכטע רייד צו פרעה. זאגט דיא גמרא פאר הערט איז גזאגט געווארין ז ריש לקיש זאגט אז וואט האט גיהייסען צו משה ער זאל שטיין פאר פרעה מיט העזה. און רבי יוחנן זאגט נאט האט גיהייסען צו משה ער זאל געבין כבוד צו פרעה. רבי ינאי זאגט אייביג זאל אמענטש טראגען אויף זיך דיא מורא פון אמלך. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק משה האט גיזאגט צו פרעה דיינע אלע קנעכט וועלין קומען צו מיר. און ער האט ניט גזאגט צו פרעה דוא וועסט קומען צו מיר. אפילו דער כוף איז גיוועזן אז פרעה אליין איז געקומען צוא משה. פון דעסטוועגין וייל ער האט געהיט דעם כבוד פון אמלך האט ער ניט גיוואלט זאגען צו פרעה דוא אליין וועסט קומען צו מיר. רבי יוחנן זאגט פון דעם פסוק דער כח פון גאט איז גיגעבין גיווארין צו אליהו און ער האט גישטארקט זיינע לענדין און ער איז גילאפען פאר אוים פאר אחאב. ווייל אחאב איז גיוועזן אמלך: עולא זאגט משה רבינו האט גיוואלט אז דיא מלוכה פון יודען זאל זיין ביי אידם און ביי זיינע קינדער נאך אידם. האט גאט אידם ניט גיגעבען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צוא משה אל תקרב הלום. הלום מיינט מען דיא מלוכה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט גזאגט גאט ווער בין איך און ווער איז מיין הויז געזינד וואס דוא האסט מיך גיברייננט ביז הלום. ביז צו דער מלוכה. אזוי האט גיזאגט גאט צו משה דו זאלסט ניט גינעגען ביז הלום. ביז צו דיא מלוכה דוא אליין וועסט זיין אמלך אבער דיינע קינדער וועלען ניט זיין מלכים. פרעגט דיא גמרא וואו עס שטייט הלום מיינט מען אמלוכה אויף אייביג צוא דיא קינדער אויך. ביי שאול שטייט אין פסוק הבא עוד הלום איש וועט נאך קומען אמענטש צוא דער מלוכה. האט גאט גזאגט שאול וועט קומען. און שאול אליין איז גיוועזן אמלך: און זיינע קינדער ניט. ענטפערט דיא גמרא אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגען. איש בושת דער זוהן פון שאול איז דאך גיוועזן אמלך. און אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגען ביי שאול איז אנדערש ווייל ביי אידם אליין איז אויך ניט געבליבען די מלוכה. ווען מען האט צו גזאגט דיא מלוכה צו שאול. האט מען צו גזאגט צו אידם און צו זיינע קינדער אויף אייביג. וואורום הלום מיינט מען אאייביגע מלוכה. נאר אז שאול האט גזינדיגט האט מען צו גענומען דיא מלוכה פון אידם און פון זיינע קינדער. אזוי וויא רבי אלעזר האט גזאגט פון רבי חנינא וועגין. ווען מען זאגט צו גרויסקייט צו אמענטשין. זאגט מען צו פאר אידם און פאר זיינע קינדער ביז אייביג. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נאט נעמט ניט אוועק זיינע אויגען פון צדיק. און ער מאכט זעצין מלכים אויף זייערע שטולען ביז אייביג און זייא ווערין גרוים. אויב דער מלך איז גרוים ביי זיך און ער זאגט אז ניט דורך גאט

וכו' ויגבהו ואם אכורים בזקים גבהות לבם גורם להם. לפיות אכורים בזקים ילכדון בחבלי עוני: ממקום הבדוק לה. לשחטה שם שאין תחתיה קבר ההכוס: ר"ל כבר ירד מבול לא"י. ונשקעו בה עצמות המתים: מכבלא. וקברים כבאים להכניסם בבתי קברות ואין להם לכל הארץ

עד סוף כל הדורות שנאמר (איוב לו) לא יגרע מצדיק עיניו ואת מלכים לכסא ויושיבם לנצח ויגבהו ואם הגים דעתו הקב"ה משפילו שנא מר (שם) ואם אסורים בזקים ילכדון בחבלי עני:

פרת חטאת פרק ארבעה עשר

(דף קיג) א ופיסקא פרת חטאת ששרפה חוץ מגתה וכו' אין חייבין עליו משום שחוטי חוץ. מאי חוץ מגתה אמר ר"ל חוץ כמקום הבדוק לה) אמר לו ר' יוחנן והלא כל א"י בדוקה היא במאי קא מיפלגי ר"ל כבר ירד מבול לא"י ורבי יוחנן סבר לא ירד מבול לא"י. אמר רב נחמן בר יצחק ושניהם מקרא אחד דרשו (יחזקאל כב) בן אדם אמור לה את ארץ לא מטוהרה היא לא גושמה ביום זעם ר' יוחנן סבר אתמוהי קא מתמה את ארץ לא טהורה כלום ירדו עליך גשמים ביום זעם ור"ל סבר כפשטיה דקרא ארץ לא טהורה את מי לא ירדו עליך גשמים ביום זעם (ע"ב) איתיביה ר"ל לר"י (בראשית ז) מכל אשר בחרבה מתו בשלמא לדידי דאמינא ירד מבול לא"י משה כתו אלא לדידך אמאי מתו מהבלא כדרב חסדא דאמר רב חסדא ברותחין קלקלו וברותחין נדונו

איז ער געווארין אמלך. נאר דורך זיין חכמה אדער דורך זיין שטארקייט. נידערט איהם ואס אראפ פון דער מלוכה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אויב דיא מלכים ווערין גרויס בייא זין שטראפט זיי גאט זייא זאלין ווערין געבונדען מיט קייטען. זייא זאלען בצוואונגען ווערין מיט די שטריק פון פיינינונג:

פרק ארבעה עשר

א פיסקא פרת. אז מען האט פארברענט די פרה אדומה אויסער גתה. איז מען ניט חייב אויף דעם וואס מען האט געשאכטין אקרבן אויסער דעם ארט וואס מען דארף אים שעכטין. וואס מיינט מען אויסער גתה. ריש לקיש זאגט מען מיינט ער האט געשאכטין דיא פרה אדומה נים אויף דעם ארט וואס מען האט גיזוכט אונ מען האט ניט געפונען אטומאה. נאר אויף איין אנדער ארט וואס דארט איז אפשר טאמער איז אונטען דא אקבר פון א מת: האט רבי יוחנן גיזאגט צוא ריש לקיש גאנץ ארץ ישראל איז דאך אוים געזוכט געווארין אז אונטען איז ניטא קיין קברים. זאגט די גמרא אין וואס קריגט רבי יוחנן מיט ריש לקיש. ריש לקיש האלט דער מבול איז אין ארץ ישראל אויך גיוועזן. קען זיין אז אין דער ערד שטעקין ביינער פון מתים. אונ רבי יוחנן האלט דער מבול איז אין ארץ ישראל נים גיוועזן. רב נחמן בר יצחק הט גיזאגט ביידע דרשנען פון איין פסוק. עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט צו יחזקאל הנביא דוא מענטשין זאהן זאג צו איר דו ביסט אערד ניט קיין ריינע וואס איז נים בארעגינט גיווארין אין דעם טאג פון צארין. רבי יוחנן האלט דער פסוק וואונדערט זיך ביזטו דען אערד ניט קיין ריינע. האט דען אויף דיר גערעגינט אין דעם טאג פון צארין. עס האט דאך אויף דיר ניט גירעגענט דער מבול. ביזטו דאך אריינע ערד. אונ ריש לקיש האלט דער פסוק זאגט פראסט. דו ביזט ניט קיין ריינע ערד. האט דען אויף דיר ניט גירעגינט. אין דעם טאג פון צארין. דער מבול הט דאך גירעגנט אויף דיר. ביכשו דאך ניט קיין ריינע ערד. ריש לקיש האט גיפרעגט ביי רבי יוחנן עס שטייט אין פסוק אלע לעבעדיגע זאכען אויף דער טריקענעש איז גישטארבען. נאך מיר וואס איך זאג אז דער מבול האט גערעגנט אין ארץ ישראל אויך. דריבער איז אלץ גישטארבען. אבער נאך דיר וואס דוא זאגסט אז אין ארץ ישראל האט ניט גירעגינט דער מבול. פאר וואס איז אלץ גישטארבען אין ארץ ישראל. הט רבי יוחנן גיזאגט פון דיא היץ זענען זיי גישטארבען. אזוי וויא רב חסדא האט גיזאגט ווייל זייא האבען געזינדיגט מיט הייסע שכבת זרע. דריבער

נדונו (ברותחין קלקלו בשכבת זרע וברותחין נדונו) דכתיב הכא (שם ח) וישכו המים וכתיב התם (אסתר ז) וחמת המלך שככה א"ד איתיביה ר' יוחנן לר"ל מכל אשר בחרבה מתו בשלמא לדידי היינו דאיכא חרבה אלא לדידך מאי חרבה איכא חרבה דמעיקרא ואמאי קרי לה חרבה כדרב חסדא דאמר רב חסדא בדור המבול לא נגזרה גזרה על דגים שבים שנאמר מכל אשר בחרבה מתו ולא דגים שבים. בשלמא לר' יוחנן דאמר לא ירד מבול לא"י היינו דקם (אורזילא) [רימא] התם אלא לר"ל (אורזילא) [רימא] היכן קם א"ר ינאי גוראות הכנים בתיבה והאמר רבה בר בר חנה לדידי חזי לי ראי אורזילא דרימא בר יומיה דהוי כהר תבור והר תבור כמה הוי ארבעין פרסין משכיה דצואריה תלתא פרסי מרבעתא דרישיה פרסא ופלגא ורמא סכא וסכריה לירדנא א"ר יוחנן ראשו הכנים בתיבה סוף סוף הא אמרת מרבעתא דרישיה פרסא ופלגא אלא ראש חוטמו הכנים

אלא לבתר הכי שכיך שם מבול ונשקעו בטיט: חרבה דמעיקרא. קודם מבול: כל אשר בחרבה. לאפוקי דגים שבים: היינו דקם רימא התם. שראם זכר ונקבה שהוא גדול ואין יכול ליכנס לתיבה עמדו שם: גוראות. (קטנות) הכנים לתיבה: אורזילא. [הוא ראם דימא שהוא על שפת הים] אורזילא דרימא גרס ר"ת פי' עופר של ראם בן יומו. אורזילא תרגום של עופר האילים מתרגמינן אורזילא דאילא. רימא הוא תרגום של ראם (ומתרגמינן יעלה ורימא תורבלא ודילא): בר יומיה. ביום שנולד: משכיה דצואריה. אורך משך צוארו: בי מרבעתא דרישיה. בין מרבץ ראשו: רמא סכא וסכריה לירדנא. הטיל גלל לירדן והפסיק הלוך מימיו. (סכא כמו סיכוי דאגילא) [כבא כמו כיבוי דבעותא דניסן]: (הכנים) חוטמו. שיוכל

זענען זיי געמשפט געווארען מיט הייסע וואסער. ווארום דא שטייט וַיָשֹׁכּוּ הַמָיִם און דארט שטייט וַחֲמַת הַמֶלֶךְ שָׁכָכָה. אזוי וויא דארט מיינט מען דיא היץ פון דעם מלך'ס כעס איז געשטילט געווארין. אזוי דא מיינט מען אויך דיא היץ פון דיא וואסער איז געשטילט געווארען. אנדערע זאגען רבי יוחנן האט גיפרעגט בייא ריש לקיש עס שטייט אין פסוק אלע לעבעדיגע זאכען וואס אויף דער טריקענעש זענען גישטארבען. נאך מיר וואס איך זאג אז אין ארץ ישראל איז ניט גיוועןן דער מבול. איז רעכט וואס עס שטייט אלץ וואס אויף דער טריקענעש איז גישטארבען. ווארום אין ארץ ישראל איז גיוועזן טרוקין. אבער וויא דוא זאגסט אז אין ארץ ישראל איז אויך גיוועזן דער מבול. וואס מיינט מען אויף דער טריקענעש. האט ריש לקיש גיענפערט מען מיינט דיא וואס זענען גיוועזן אויף דער טריקענעש פאר דעם מבול. וועסטו פרעגין זאל נאר שטיין אלע לעבעדיגע זאכין זענען גישטארבין. צו וואס שטייט די ווערטער וואס אויף דער טריקענעש. אזוי וויא רב חסדא האט גזאגט דיא גזרה פון מבול איז ניט גיוועזן אויף דיא פיש וואס אין ים. ווארום עס שטייט אין פסוק אלץ וואס אויף דער טריקענעש זענען גישטארבען אבער ניט דיא פיש וואס אין ים. זאגט דיא גמרא נאך רבי יוחנן וואס ער זאגט אז דער מבול איז ניט גיוועזן אין ארץ ישראל. איז דער ראם וואס ער איז גאנץ גרויס און ער האט ניט גיקענט שטיין אין דער תיבה. איז ער גישטאנען אין ארץ ישראל. אבער נאך ריש לקיש וואס ער זאגט אז אין ארץ ישראל איז אויך גיוועזן דער מבול. וואו איז דער ראם גישטאנען. האט רבי ינאי גזאגט דיא גרויסע ראמים זענען טאקי דער טרונקען גיווארין אין מבול. נאר קליינע ראמים האט נח אריין גענומען אין דער תיבה. פרעגט דיא גמרא רבה בר בר חנה האט דאך גזאגט איך האב גיזעהן א יונגען ראם אין דעם טאג וואס ער איז גיבארען גיווארען איז ער גיוועזן אזוי גרויס וויא דער בארג תבור. און דער בארג תבור איז גרויס פערציג מייל. דיא לענג פון זיין האלדז איז דרייא מייל. דער ארט וואו זיין קאפ איז גילעגין איז גיוועזן גרויס א מייל מיט א האלבע מייל. און איין מאהל צואה וואס פון איהם איז ארויס גיגאנגען. האט דאס פאר שטאפט דעם ירדן. וויא אזוי איז ער גיוועזן אין דיא תיבה. האט רבי יוחנן גזאגט נאר דעם קאפ האט ער אריין גישטעקט אין דער תיבה. פרעגט דיא גמרא דוא זאגסט דאך אז דער ארט וואו זיין קאפ איז גילעגין איז גיוועזן גרויס א מייל מיט א האלבע מייל. וויא אזוי האט ער גיקענט אריין שטעקין דעם קאפ אין דער תיבה. ענטפערט דיא גמרא נאר דעם שפיץ נאז האט ער אריין גישטעקט אין דיא תיבה. ער זאל קענען ציהען דעם אטעם. פרעגט דיא גמרא רבי

הכנים לתיבה. והא"ר יוחנן לא ירד מבול לא"י לדבריו דריש לקיש קאמר. והא קסגיא תיבה אמר ריש לקיש קרניו קשרו בתיבה והאמר רב חסדא דור המבול ברותחין קלקלו וברותחין נדונו וליטעמיך תיבה היכי סגיא ועוד עוג מלך הבשן היכי קם אלא נעשה נס ונצטננו צדי התיבה ולר"ל נהי נמי דירד מבול לא"י והא לא פש דאר"ל למה נקרא שמה מצולה שכל מתי מבול נצתללו שם ור' יוחנן אמר למה נקרא שמה שנער שכל מתי מבול ננערו שם א"א דלא אידבקו. א"ר אבהו למה נקרא שמה שנער שמנערת את עשיריה והא קא חזינא דקאי תלתא דרי לא משכי אמר רבי אמי האוכל מעפרא דבבל כאילו אוכל בשר אבותיו תניא נמי הכי כל האוכל וכו' וי"א כאילו אוכל שקצים

להכניס: לא ירד מבול לא"י. למה ליה נשנויי הכי גירסא דהכא קה כ"ל דל"ג: והא קא סגיא תיבה. והלא היתה תיבה מהלכת על פני המים מן הגבוה לנמוך ונמצא חוטמו נשמט מן התיבה ומת ומשני קרניו קשרו לתיבה: ברותחין נדונו. ואם כן נמצא שנמלג ברותחין: וליטעמיך תיבה היכי סגיא. והלא זפותה היא מבית ומבחוץ דכתיב וכפרת אותה מבית ומחוץ בכופר וכיון דרותחין הן היאך מהלכת שאין זפתה נפשר: ועוג מלך הבשן. דכתיב ויבא הפליט וא"ר יוחנן זה עוג מלך הבשן שפלט מדור המבול: נס נעשה ונצטננו המים שבצדי התיבה. ושם עמד עוג והראם [וגם הזפת לא נפשר והראם לא הולך לתיבה ומפני גובהן לא טבעו: הא לא פש. מן המתים בה כלום דאיידי דגבוהה היא הספילום המים לבבל שהיא מצולה: למה נקרא שמה מצולה. דכתיב האומר לצולה חרבי: א"א דלא אדביקו. בכ"ט]: שמנערת עשיריה. אין עשרה מתקיים מפני שאין

יוחנן זאגט דאך אז אין ארץ ישראל איז ניט גיווען קיין מבול. האט דאך דער ראם גיקענט שטיין אין ארץ ישראל. ענטפערט דיא גמרא רבי יוחנן זאגט דאס נאך ריש לקיש וואס ער זאגט אז אין ארץ ישראל איז אויך גיוועזן דער מבול: פרעגט דיא גמרא דיא תיבה איז דאך גינאנגען אויף דעם וואסער. האט דאך דער ראם גימוזט ארויס ציהען דעם נאז פון דיא תיבה. האט ריש לקיש גזאגט נח האט צו גיבונדען דיא הערנער פון דעם ראם צו דיא תיבה. פרעגט דיא גמרא רב חסדא האט דאך גזאגט דיא מענטשין פון מבול האבען געזינדיגט מיט הייסע שכבת זרע. אונ זייא זענען געשטראפט גיווארען מיט הייסע וואסער. וויא אזוי איז דער ראם גינאנגען אין דיא הייסע וואסער. פרעגט דיא גמרא וויא אזוי איז דיא תיבה גינאנגען אין דיא הייסע וואסער. דיא תיבה איז דאך גיוועזן בעשמירט מיט פעך פון אויסווייניג: האט דאך גידארפט די פעך צוא שמאלצען ווערין פון דיא הייסע וואסער. אונ וויא אזוי איז עוג מלך הבשן גינאנגען נעבין דיא תיבה אין דיא הייסע וואסער. נאר עס איז גיוועזן א נס אז דיא וואסער וואס ארום דער תיבה זענען גיוועזן קאלט דריבער איז דיא פעך ניט צו שמאלצען גיווארען אונ עוג מיט דעם ראם האבען גיקענט גיין מיט דער תיבה. פרעגט דיא גמרא אונ אפילו נאך ריש לקיש וואס ער זאגט אז אין ארץ ישראל איז אויך גיוועזן דער מבול. דיא מתים זענען דאך ניט געבליבען אין ארץ ישראל. ווארום ריש לקיש האט גזאגט פאר וואס ווערט בבל גירופען מצולה שכל מתי מבול נצתללו שם. ווייל אלע מתים פון מבול זענען אראפ געזונקען אין בבל. אונ רבי יוחנן זאגט פאר וואס ווערט בבל גירופען שנער. שכל מתי מבול ננערו לשם. ווייל אלע מתים פון מבול זענען אריין גישאקילט גיווארין אין בבל. ענטפערט דיא גמרא עס קען ניט זיין אז עס זאל ניט עפעס בלייבען פון דיא מתים אויף זייער ארט וואס זייא זענען געבליבען ליגען אין די ביים אונ זענען ניט אוועק געשוואמען אין בבל. רבי אבהו זאגט פאר וואס רופט מען בבל שנער. שמנערת את עשיריה. ווייל זיא שאקילט ארויס אירע רייכע. דיא רייכקייט בלייבט ניט ביי זייא: פרעגט דיא גמרא מיר זעהן דאך אז אין בבל זענען יא דא רייכע מענטשין. ענטפערט דיא גמרא דיא רייכקייט ציהט זיך ניט דריי דורות. עס זאל זיין אריינכער פאטער אונ ארייכער זוהן אונ ארייכער אייניקיל: דאס איז ניטא אין בבל. רבי אמי זאגט דער וואס עסט די ערד פון בבל איז גלייך וויא ער וואלט עסין דיא פלייש פון זיינע עלטערין. ווארום דיא אלע טויטע מענטשין פון מבול זענען אריין גישוואומען אין בבל. איז גאנץ בבל פול גיווארען מיט מתים: אונ די מתים זענען פאר פוילט גיווארין פון זייא איז גיווארין ערד. איז דיא גאנצע ערד פון בבל פון פאר פוילטע מתים. אנדערע זאגין דער וואס עסט דיא ערד פון בבל. איז גלייך וויא ער וואלט

שקצים ורמשים:

(דף קטו ע"ב) **ב תניא** (שמות יט) וגם הכהנים הנגשים אל ה' יתקדשו ר' יהושע בן קרחה אומר זו פרישות בכורות. רבי אומר זו פרישות נדב ואביהוא. בשלמא למ"ד זו פרישות נדב ואביהוא היינו דכתיב (ויקרא י) הוא אשר דבר ה' לאמר בקרובי אקדש אלא למ"ד זו פרישות בכורות (פרישות נדב ואביהוא) היכא רמיזא דכתיב (שמות כט) ונועדתי שמה לבני ישראל ונקדש בכבודי אל תקרי בכבודי אלא במכובדי דבר זה רמזו הקב"ה למשה ולא ידע עד שמתו בניו של אהרן כשמתו בני אהרן אמר לו אהרן אחי לא מתו בניך אלא לקדש כבודו של מקום וכיון שידע אהרן שבניו ידועי מקום הם שתק וקבל שכר שנאמר

פירוש

מרחמים על הבריות כדאמרינן במסכת ביצה עתידי בבל יורדי גיהנם הן: כאלו אוכל שקצים ורמשים של מבול:

יתקדשו מלעלות אע"פ שרגילין לגשת אלי ולשמש העד בהם שלא יעלו בהר: זו פרישות בכורות. הזהיר את הבכורות לפרוש מן ההר (וכן הכהנים הנגשים אל ה' להקריב קרבנות: זו פרישות נדב ואביהוא. שנעשו עתה כהנים בסיני והם הכהנים הנגשים אל ה' להקריב קרבנות זו פרישות נדב ואביהוא כלומר לא נקראו בכורות כהנים אלא מ' הם הכהנים הנגשים שהוזהרו כאן לפרוש מן ההר זה נדב ואביהוא): [וזה לשון רש"י: זו פרישות נדב ואביהוא. כלומר לא נקראו בכורות כהנים אלא מי הם הכהנים הנגשים שהוזהרו כאן לפרוש מן ההר זה נדב ואביהוא שנעשו בסיני כהנים והם הנגשים אל ה' להקריב קרבנות]: הוא אשר דבר ה' וגו': כדקאמר בסיני פן יפרוץ בהם ה' וכיון שלא נזהרו מלפרוש מן ההיכל בהקמת המשכן פרץ בהם: אלא למ"ד זו פרישות בכורות היכא רמיזא. מיתת נדב ואביהוא היכן רמזה הקב"ה למשה קודם לכן דקאמר הוא אשר דבר ה': ונקדש בכבודי. נאמר לו למשה ביום שנצטוה על מלאכת המשכן ורמז לו שביום שישרה שכינתו על הבית יתקדש בכבודיו ולא נרמז לו להבין מי הם עד שמתו בני אהרן: אלא לקדש כבודו של מקום עליהם להודיע שהוא נורא על יראיו ומיודעיו הוא אשר

עֶכִין אַלֶע מִיאוּסֶע לֶעבֶּעדִיגֶע זַאכֶען וָוָס זֶענֶען גִיפִּיגֶערְט פוּן מַבּוּל:

ב תַּנְיָא. מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אוּנ דִיא כֹּהֲנִים וָואס גִינֶגֶען נָאֶענְט צוּ גָאט הַיינְט זָאלִין זֵייא זַיין אָפּ גִישֵׁיידְט פוּן בַּארְג. רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן קָרְחָה זָאגְט כֹּהֲנִים מֵיינְט מֶען בְּכוֹרִים. דִיא בְּכוֹרִים זָאלִין נִיט גִינֶגֶען צוּם בַּארְג. רַבִּי זָאגְט כֹּהֲנִים מֵיינְט מֶען נָדָב אוּנ אֲבִיהוּא וָואס זֶענֶען אִיצְט גִיוָוארִין כֹּהֲנִים. זֵייא זָאלִין זַיין אָפּ גִישֵׁיידְט פוּן בַּארְג. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא דֶער וָואס זָאגְט אַז אִין דֶעם פָּסוּק הָאט דִיא תּוֹרָה פַאר בָּאטֶען אַז נָדָב אוּנ אֲבִיהוּא זָאלִין נִיט צוּ גֵיין צוּם בַּארְג. אִיז רֶעכְט וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק משֶׁה הָאט גִזָאגְט דָאס אִיז וָואס גָאט הָאט גִירֶעט דוּרְךְ מַיינֶע נָאנְטֶע וֶועל אִיךְ גֶעהֵיילִיגְט וֶוערִין. וָוארוּם גָאט הָאט גִזָאגְט בַּיי דֶעם בַּארְג סִינַי אַז נָדָב אוּנ אֲבִיהוּא זָאלִין נִיט גִינֶגֶען צוּם בַּארְג וַוייל אוֹיף אִיהם אִיז דִיא שְׁכִינָה. וָוארוּם טָאמֶער וֶועט גָאט אִין זֵייא אוּיס בְּרֶעכִין. דְרִיבֶּער וֶוען מֶען הָאט אוֹיף גִישְׁטֶעלְט דֶעם מִשְׁכָּן אוּנ דִיא שְׁכִינָה אִיז גֶעקוּמֶען רוּהֶען אִין מִשְׁכָּן אוּנ נָדָב מִיט אֲבִיהוּא הָאבֶּען גִינֶענְט צוּא גָאט זֶענֶען זֵייא בַּאלְד פַאר בְּרֶענְט גִיוָוארִין. וַוייל מֶען הָאט זֵיי שׁוֹין פְרִיעֶר פַאר בָּאטֶען זֵייא זָאלִין דָאס נִיט טָאהן. אָבֶּער דֶער וָואס זָאגְט אַז גָאט הָאט פַאר בָּאטֶען דִיא בְּכוֹרִים זָאלֶען נִיט גִינֶגֶען צוּ גָאט. וואו הָאט גָאט גִזָאגְט צוּא משֶׁה אַז נָדָב אוּנ אֲבִיהוּא זָאלִין נִיט גִינֶגֶען צוּא גָאט. וָואס משֶׁה זָאגְט אַז גָאט הָאט שׁוֹין דָאס אַמָאהל גִזָאגְט. עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט הָאט גִזָאגְט צוּ משֶׁה וֶוען עֶר הָאט אִיהם גִיבָּאטֶען צוּא מַאכֶען דֶעם מִשְׁכָּן אִיךְ וֶועל מִיךְ דָארְט [אִין מִשְׁכָּן] פַאר זַאמְלֶען צוּא דִיא יוּדֶען וְנִקְדַּשׁ בִּכְבוֹדִי. זָאלְסְט נִיט לֵייעֶנֶען בִּכְבוֹדִי. נָאר זָאלְסְט לֵייעֶנֶען בִּמְכוּבָּדַי, אוּנ אִיךְ וֶועל גִיהֵיילִיגְט וֶוערִין דוּרְךְ מַיינֶע גְרֶעסְטֶע מֶענְשִׁין. דָאס הָאט גָאט גִזָאגְט צוּא משֶׁה אוֹיפֶען ווינְק אַז דֶעם טָאג וָואס דֶער מִשְׁכָּן וֶועט אוֹיף גִישְׁטֶעלְט וֶוערִין וֶועלִין שְׁטַארְבֶּען גְרוֹיסֶע לֵייט. אוּנ דוּרְךְ דֶעם שְׁטַארְבֶּען וֶועט גָאט גִיהֵיילִיגְט וֶוערִין. וָוארוּם מֶען וֶועט זֶעהְן אַז גָאט שְׁטְרָאפְט אֲפִילוּ דֶעם גְרֶעסְטֶען צַדִּיק אוֹיף דִיא קְלֶענְסְטֶע עֲבֵירָה. אוּנ משֶׁה הָאט נִיט גֶעוואוּסְט וֶוער דִי צַדִּיקִים וֶועלִין זַיין וָואס וֶועלִין דֶעם טָאג שְׁטַארְבֶּען. בִּיז דִיא קִינְדֶער פוּן אַהֲרֹן [נָדָב אוּנ אֲבִיהוּא] זֶענֶען גִישְׁטָארְבֶּען. וַויא דִיא קִינְדֶער פוּן אַהֲרֹן זֶענֶען גִישְׁטָארְבֶּען. הָט משֶׁה גִזָאגְט צוּ אַהֲרֹן. אַהֲרֹן מַיין בְּרוּדֶער דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען נָאר גִישְׁטָארְבֶּען צוּ הֵיילִיגֶען דֶעם כָּבוֹד פוּן גָאט. וַויא אַהֲרֹן הָאט גֶעוואוּסְט אַז זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען דִיא בֶּעקַאנְטֶע פוּן גָאט. הָאט אַהֲרֹן גֶעשְׁווִיגֶען. אוּנ עֶר הָאט גֶענוּמֶען שְׂכַר

שנאמר (ויקרא י) וידם אהרן וכן בדוד הוא אומר (תהלים לז) דום לה' והתחולל לו אע"פ שהוא מפיל לך חללים חללים דום וכן אמר שלמה (קהלת ג) עת להשות ועת לדבר פעמים שאדם שותק ומקבל שכר על שתיקתו ופעמים שאדם מדבר ומקבל שכר על דבורו והיינו דא"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן מ"ד (תהלים סח) נורא אלהים ממקדשיך אל תקרי ממקדשיך אלא ממקודשיך בשעה שהקב"ה עושה דין במקודשיו מתירא ומתעלה ומתהלל:

אשר דבר אני ביום שנצטויתי על מלאכת המשכן ונקדש בכבודי באותם הנכבדים והקרובים לי אקדש: שנאמר וידם אהרן. הרי ששתק וקבל שכר אמרינן בבראשית רבה דבשכר זה זכה ונתייחד אליו הדבור שנאמר אחר ענין זה פרשת שתויי יין ולא הוזכר שם אלא אהרן: נורא אלהים. זו מדת הדין אימתי הוא נורא כשעושה דין במקודשים: תמים בדרכיו. עניו ושפל: מי הוא. הרי לא

[בגמ' איתא דטרפה בהלכה לבני נח להקריב ילפינן למ"ד טרפה יולדת מכל החיה אשר אתך שנאמר בנח ודרשינן אתך בדומין לך ופריך בגמ']

(דף קטז) **ג ודלמא** נח גופיה טרפה הוה תמים כתיב ביה ודלמא תמים בדרכיו צדיק כתיב ביה ודלמא תמים בדרכיו צדיק במעשיו וכו'. פיסקא טהורין אבל לא טמאין ומי הוו טמאין וטהורין בההיא שעתא א"ר שמואל בר נחמני א"ר יונתן מאותן שלא נעבדה בהן עבירה כנא הוו ידעי כדרב חסדא דאמר רב חסדא העבירן לפני התיבה כל שהתיבה קולטתן בידוע שהוא טהור אין התיבה קולטתן בידוע שהן טמאין

פאר זיין שווייגען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אהרן האט געשוויגען און זיין שכר איז געוועזן וואס באלד נאך זייער שטארבען האט גאט גירעט מיט איהם אליין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וידבר ה' אל משה ואל אהרן. ביי דוד המלך שטייט אויך אזוי דום לה' והתחולל לו. התחולל איז אזוי וויא חלל: גיהרגעטה. זאגט דוד אפילו גאט וועט הרגנן פון דיר פיל מענטשין. פון דעסטוועגין זאלסטו שווייגען. און שלמה המלך האט אויך אזוי גזאגט אצייט צו שווייגען און אצייט צו ריידען: אמאהל שווייגט אמענטש און נעמט שכר פאר זיין שווייגען. און אמאהל רעט אמענטש און ער נעמט שכר פאר זיין ריידען. דאס איז וואס רבי חייא בר אבא האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין עס שטייט אין פסוק נורא אלהים ממקדשיך. זאלסט גיט לייענען ממקדשיך. נאר זאלסט לייענען ממקודשיך. ווען גאט טוהט אמשפט אין זיינע הייליגע מענטשין. ווערט גאט פארכטיג און ער ווערט דער הויבען און ער ווערט גילויבט:

ג ודלמא. די גמרא פרעגט טאמער איז נח גיוועזן אקראנקער וואס ער האט ניט גיקענט לאנג לעבין: ענפערט דיא גמרא עס שטייט תמים. ער איז גיוועזן גאנץ אן אפעלער. פרעגט דיא גמרא טאמער מיינט מען ער איז גיוועזן גאנץ אין זיין פירונג. ער איז גיוועזן פרום. ענפערט דיא גמרא אויף פרום שטייט שוין ער איז גיוועזן אצדיק. פרעגט דיא גמרא טאמער מיינט מען ער איז גיוועזן גאנץ אין זיינע וועגין צו מענטשין. און ער איז גיוועזן אצדיק אין זיינע מעשים צוא גאט:

פיסקא: אין פסוק שטייט נח זאל נעמען אין דער תיבה פון דיא בהמות און עופות וואס זענען ריין און ניט פון דיא וואס זענען אומריין והאט מען איצט גילערונט אז ריין מיינט מען וואס מען מעג עסין און אומריין מיינט מען וואס מען טאר ניט עסין. איז דאך דיא קשיא איז דען אין דער צייט פון נח גיוועזן ריין און אומריין. אלע בהמות און עופות האט מען דאך אין דער צייט פון נח גימעגט עסין. ווארום דיא תורה איז דאך צו נח ניט גיגעבן גיווארין. האט רבי שמואל בר נחמני גזאגט פון רבי יונתן וועגין ריין מיינט מען דיא וואס האבען ניט מזנה גיוועזן: און אומריין מיינט מען דיא וואס האבען יא מזנה גיוועזן. פון וואנען האט נח געוואוסט וועלכע האבען יא מזנה גיוועזן און וועלכע האבען ניט מזנה גיוועזן. ענפערט דיא גמרא אזוי וויא רב חסדא האט גזאגט. נח האט געפירט אלע בהמות און חיות און עופות

טמאין. ר' אבהו אמר קרא (בראשית ז) והבאים זכר ונקבה הבאין מאליהן :

ד תניא עד שלא הוקם המשכן הותרו הבמות ועבודה בבכורות וכו' והכל קרבו עולות וכו' עולות אין שלמים לא והכתיב (שמות כד) ויזבחו זבחים שלמים אלא אימא הכל קרבו עולות ושלמים והתניא אבל שלמים לא כי אם עולות כמ"ד לא קרבו שלמים בני נח דאתמר ר' אלעזר ור' יוסי בר חנינא חד אמר קרבו שלמים בני נח וחד אמר לא קרבו שלמים בני נח מ"ט דמ"ד קרבו שלמים בני נח דכתיב (בראשית ד) והבל הביא גם הוא מבכרות צאנו ומחלבהן איזהו דבר שחלבו קרב לגבי מזבח וכולו אינו קרב לגבי מזבח הוי אומר זה שלמים ומ"ט דמ"ד לא קרבו בני נח שלמים דכתיב (ש"ה ד) עורי צפון ובואי תימן התנערי אומה שמעשיה בצפון ותבא אומה שמעשיה בצפון ודרום

נוהג תורה : שמאין מאליהן. וכל האין שבאו אל התיבה מאליהן באו ובהן הכיר אותן שבאו שבטהרה שבהמה ידע שהן טהורין ושבאו שניים שניים שהן טמאין :

ויזבחו זבחים שלמים. וסיני קודם להקמת המשכן הוה ואת אמרת דעד שלא הוקם המשכן לא קרבו שלמים כלל: הכל. בין ישראל בין אה"ע קרבו עולות הכל שלמים לא הקריבו בני נח ומשעה מתן תורה שנכנסו ישראל קרבו שלמים : התנערי.

פאר דיא תיבה. די וואס דיא תיבה האט זייא אריין גענומען האט מען געוואוסט אז זיי זענען ריין. זייא האבען ניט מזנח געווען. און דיא וואס דיא תיבה האט זייא ניט אריין גענומען האט מען געוואוסט אז זייא זענען טמא. זייא האבען מזנה געווען. רבי אבהו זאגט עס שטייט אין פסוק און דיא וואס זענען געקומען זענען געווען אזכר און אנקבה: דס מיינט מען זיי זענען געקומען פון זיך אליין. דיא וואס זענען געקומען זיבען פאר. האט נח געוואוסט אז זייא זענען ריינע. און דיא וואס זענען געקומען צוויי פאר האט ער געוואוסט אז זייא זענען אומריינע :

ד תניא. מיר האבען געלערנט איידער דער משכן איז אויף געשטעלט געווארין האט מען גימענט מקריב זיין קרבנות אויף אבהמה [אויף איין שטיין]. און דיא בכורים האבען מקריב געווען דיא קרבנות. און אלע קרבנות זענען געווען עולות. פרעגט דיא גמרא נאר עולות האט מען מקריב געווען איידער דער משכן איז אויף געשטעלט געווארין און שלמים ניט. עס שטייט דאך אין פסוק זייא האבען געשאכטען שלמים ביים דעם בארג סיני איידער דער משכן איז געווען; נאר אזוי זאג אלע קרבנות וואס מען האט מקריב געווען זענען געווען עולות און שלמים. פרעגט דיא גמרא מיר האבען דאך געלערנט אין א ברייתא שלמים האט מען ניט מקריב געווען איידער דער משכן איז אויף געשטעלט געווארין. נאר עולות האט מען מקריב געווען. ענטפערט דיא גמרא דיא ברייתא האלט וויא דער תנא וואס זאגט אז דיא קינדער פון נח האבען ניט מקריב געווען שלמים ואלע מענטשען פון דער וועלט אפילו יודען אויך. איידער דיא תורה איז געגעבען געווארין. זענען גירופען געווארען בני נח. דיא קינדער פון נח. ווייל פון נח זענען געבארען געווארען אלע מענטשען נאך דעם מבול]. ווארום מיר האבען געלערנט רבי אלעזר און רבי יוסי בר חנינא קריגען. איינער זאגט בני נח האבען מקריב געווען שלמים. און איינער זאגט בני נח האבען ניט מקריב געווען שלמים. פרעגט דיא גמרא דער וואס זאגט אז בני נח האבען מקריב געווען שלמים. פון וואנען ווייס ער דאס. ווארום עס שטייט אין פסוק און הבל האט אויך געבראכט א קרבן זיינע ערשטע געבארענע שעפסין און זייער פעטס. וועלכער קרבן איז דס וואס מען איז נאר מקריב דיא פעטס אויף דעם מזבח. און דעם גאנצען קרבן איז מען ניט מקריב אויף דעם מזבח. דאס איז שלמים: זעהן מיר אז הבל האט מקריב געווען א קרבן שלמים. זאגט דיא גמרא און דער וואס זאגט אז בני נח האבען ניט מקריב געווען שלמים. פון וואנען ווייס ער דאס. ווארום עס שטייט אין פסוק עורי צפון ובואי תימן. עס זאל אראפ גישאקילט ווערין פון דיא וועלט דיא פאלק וואס איז מקריב קרבנות אין צפון זייט פון מזבח. דאס איז עולות. און עס זאל קומען צום מלך המשיח דאס יודישע פאלק וואס זענען מקריב קרבנות

ודרום ומך הכתיב מחלבהן משמנים דידהו ואידך הכתיב עורי ההוא בקבוץ גליות הוא דכתיב והכתיב (שמות י) ויאמר משה גם אתה תתן בידנו זבחים ועולות זבחים לאבילה ועולות להקרבה. והכתיב (שם יח) ויקח יתרו החן משה עולה וזבחים לאלהים יתרו אחר מתן הוה. בשלמא למ"ד יתרו אחר מתן תורה בא ניחא אלא למ"ד יתרו קודם מתן תורה בא מאי איכא למימר דאיתמר בני ר' חייא ור' יהושע בן לוי חד אמר אחר מתן תורה הוה וחד אמר קודם מתן תורה הוה למ"ד קודם מתן תורה הוה קסבר קרבו שלמים בני נח;

הכתנאי (שמות יח) וישמע יתרו כהן מדין חתן משה מה שמועה שמע ובא ונתגייר רבי יהושע אומר מלחמת עמלק שמע ובא שהרי כתובה בצדו (שם יז) ויחלוש

כאן ויעתר ה' את מגריס: שמעשים בצפון. היינו עולה שטעונה צפון והכא את מלך המשיח אומר שמעשה צפון ודרום דהיינו ישראל שמקריבין עולות ושלמים: משמנים דידהו. מן השמנים שבהם ומיהו עולות הוו: בקבוץ גליות. וה"ק עורי רוח צפונית ובואי רוח דרומית לקבץ גליות המפוזרות בהם: זבחים ועולות. זבחים היינו שלמים וקודם מתן תורה כולהו בני נח הוו ומשני זבחים אינם שלמים אלא לשון שחיטה בעלמא ולאכילה: הניחא למ"ד וכו'. פלוגתא הוא לקמן: כתנאי. אי קודם מתן תורה הוה יתרו או לא:

אין צפון זייט פון מזבח אונ אין דרום זייט פון מזבח. דאס זענען עולות אונ שלמים. זעהן מיר פון דעם פסוק אז אלע פעלקער האבען נאר מקריב געווען עולות אונ ניט שלמים: פרעגט דיא גמרא הבל האט דאך מקריב געווען שלמים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ומחלבהן. ער האט מקריב געווען נאר דיא פעטס. ענטפערט דיא גמרא מחלבהן מיינט מען דיא פעטע שעפסין האט ער מקריב געווען פאר עולות. פרעגט דיא גמרא אונ דער וואס זאגט אז דיא בני נח האבען מקריב געווען עולות אונ שלמים. עס שטייט דאך עורי צפון. ענטפערט דיא גמרא אזוי מיינט דער פסוק עס זאל דער וועקט ווערין אצפון ווינט אונ עס זאל קומען אדרום ווינט אונ עס זאל זיך זאמען טרייבען אלע יודען פון זייערע ערטער אין ירושלים. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק משה האט גזאגט צו פרעה דוא וועסט אויך געבין אין אונזערע הענט זבחים אונ עולות. זבחים מיינט מען שלמים. אונ דאס איז דאך געווען איידער דיא תורה איז גיגעבין גיווארין. ווען יודען זענען נאך געווען בני נח. זעהן מיר דאך אז בני נח האבען מקריב געווען שלמים. ענטפערט דיא גמרא זבחים מיינט מען ניט שלמים. נאר פראסטע בהמות צום עסין פלייש. אונ עולות צו מקריב זיין: פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק יתרו דער שווער פון משה האט גענומען עולה וזבחים צו גאט. ענטפערט דיא גמרא יתרו איז געקומען נאך דעם וויא דיא תורה איז שוין גיגעבין גיווארין. האבען יודען מקריב גיווען שלמים אונ עולות. פרעגט דיא גמרא דאס איז רעכט נאך דעם וואס זאגט אז יתרו איז גיקומען דער נאך וויא דיא תורה איז שוין גיגעבין גיווארען. אבער וואס וועלין מיר ענטפערין נאך דעם וואס זאגט אז יתרו איז גיקומען נאך פריער וויא דיא תורה איז גיגעבין גיווארען: ווען יודען זענען נאך גיווען בני נח. פון דעסטוועגין האבען זייא מקריב גיווען שלמים: ווארום מיר האבען גיהערט דיא קינדער פון רבי חייא אונ רבי יהושע בן לוי קריגען. איינער זאגט יתרו איז געקומען דער נאך וויא דיא תורה איז שוין גיגעבין גיווארין. אונ איינער זאגט יתרו איז גיקומען איידער דיא תורה איז גיגעבין גיווארין. ענטפערט דיא גמרא דער וואס האלט אז יתרו איז גיקומען איידער דיא תורה איז גיגעבין גיווארין. האלט ער אז בני נח האבען אויך מקריב גיווען שלמים:

ה כתנאי. תנאים קריגען ווען יתרו איז גיקומען. איידער די תורה איז גיגעבין גיווארן. אדער דער נאך וויא דיא תורה איז שוין גיגעבין גיווארין. עס שטייט אין פסוק יתרו דער כהן פון מדין דער שווער פון משה האט גיהערט. וואס האט יתרו גיהערט וואס ער איז גיקומען אונ האט זיך מגייר גיווען. רבי יהושע זאגט דיא מלחמה פון עמלק האט ער גיהערט אונ איז גיקומען. ווארום דאס שטייט דאך דער נעבין. יהושע האט שוואך גימאכט דעם

ויחלוש יהושע את עמלק ואת עמו לפי חרב . ר' אלעזר המודעי אמר מתן תורה שמע ובא כשנתן הקב"ה תורה לישראל היה קולו הולך מסוף העולם ועד סופו וכל מלכי אוה"ע אחזתם רעדה בהיכליהן ואמרו שירה שנאמר (תהלים כט) ובהיכלו כלו אומר כבוד נתקבצו כלם אצל בלעם ואמרו לו מה קול ההמון אשר שמענו שמא מביא מבול לעולם שנאמר (שם) ה' למבול ישב אמר להם וישב ה' מלך לעולם כבר נשבע הקב"ה שאין מביא מבול לעולם אמרו לו שמא מבול של מים אינו מביא אבל מבול של אש מביא שנאמר (ישעיה סו) כי באש ה' נשפט וגו' א"ל כבר נשבע שאינו משחית כל בשר . אלא מה קול ההמון ששמענו א"ל חמדה טובה יש לו להקב"ה בבית גנזיו שהיתה גנוזה אצלו תתקע"ד דורות קודם שנברא העולם, והוא מבקש ליתנה לבניו שנאמר (תהלים כט) ה' עוז לעמו יתן מיד ענו כלם ואמרו ה' יברך את עמו בשלום . רבי אליעזר בן יעקב אומר קריעת ים סוף שמע ובא שנאמר (יהושע ה) ויהי כשמוע כל מלכי וגו' את אשר הוביש ה' את מי הירדן מפני בני ישראל עד עברם וימס לבבם ולא היה בהם עוד רוח מפני בני ישראל . ואף רחב הזונה אמרה

ובהיכלו וכו' . רישא דקרא קול ה' יחולל אילות ובמתן תורה משתעי ובהיכלו של כל מלך ומלך כולו אומר כבוד להקב"ה : אמר להם וישב ה' מלך לעולם . כבר נשבע שיהא מלך לעולם על בריותיו ולא ישחיתם : התקע"ד דורות קודם שנברא העולם וכ"ו דורות מאדם ועד משה רבינו הרי דבר צוה לאלף דור : עוז . התורה שהיא מעוזם של

עמלק אונ זיין פאלק מיט זיין שווערד . באלד נאך דעם שטייט יתרו האט געהערט : ער האט געהערט וויא מען האט גיהרגת עמלק . רבי אלעזר המודעי זאגט יתרו האט געהערט ווי דיא תורה איז געגעבין געווארען דריבער איז ער געקומען אונ האט זיך מגייר געוועזן : ווען גאט האט געגעבין דיא תורה צו דיא יודען איז זיין קול געגאנגען פון איין עק וועלט ביז צום אנדערין עק וועלט : אונ אלע קעניגען האט זייא אן געקומען אציטערנעש אין זייערע פאלאצין : אונ זייא האבען גזאגט שירה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ובהיכלו כולו אומר כבוד : יעדער קעניג אין זיין פאלאץ האט גזאגט כבוד צו גאט . האבען זיך אלע פאר זאמעלט צוא בלעם . אונ האבען גזאגט צו איהם וואס איז דאס גרויסע ברומונג וואס מיר האבען געהערט : טאמער וויל גאט ברענגען אמבול אויף דער וועלט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט זיך צוריק געקערט צום מבול . האט בלעם צו זייא גזאגט גאט וועט זיצען אונ וועט זיין א מלך צו דער וועלט . ואונ ער וועט ניט פאר דארבען דיא וועלט) . גאט האט שוין לאנג געשווארין אז ער וועט ניט ברענגען אמבול אויף דער וועלט : האבען דיא מלכים גזאגט צוא בלעם טאמער אמבול פון וואסער וועט גאט ניט ברענגען אבער אמבול פון פייער וועט ער ברענגען : אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט וועט משפטין דיא וועלט מיט פייער . האט בלעם גזאגט צוא דיא מלכים גאט האט שוין לאנג געשווארין אז ער זאל ניט פאר דארבען קיין לעבעדיגע זאך . נאר וואס רען איז דאס ברומונג וואס מיר האבען געהערט . האט בלעם צו זייא גזאגט גאט האט אגלוסטיגע זאך אגוטע אין זיינע אוצרות . וואס דיא זאך איז שוין בעהאלטען ביי איהם ניין הונדערט פיר אונ זיבעציג דורות איידער דיא וועלט איז באשאפען געווארען . אונ ער וויל געבין דיא זאך צו זיינע קינדער . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט וויל געבין צוא זיין פאלק דיא שטארקייט . דאס מיינט מען דיא תורה . האבען באלד אלע געענטפערט אונ האבען גזאגט גאט זאל בענטשין זיין פאלק מיט שלום . רבי אליעזר בן יעקב זאגט יתרו האט געהערט אז גאט האט געשפאלטען דעם ים . דריבער איז ער געקומען זיך מגייר זיין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז דיא מלכים פון כנען האבען געהערט אז גאט האט טרוקין געמאכט דיא וואסער פון ירדן פאר דיא יודען ביז זייא זענען אריבער געגאנגען . איז צו גאנגען זייערע הערצער אונ זיי האבען ניט געהאט קיין לעבעדיגען אטעם פאר די יודען . אזוי ווי ביי די מלכים פון כנען איז געוועזן דער גרעסטער וואונדער וואס דער ירדן איז טרוקען געווארען . אזוי איז ביי יתרו אויך געוועזן דער גרעסטער וואונדער וואס דער ים איז געשפאלטען געווארן . אונ רחב הזונה האט אויך

אמרה לשלוחי יהושע (שם ב) כי שמענו את אשר הוביש ה׳ את מי ים סוף מפניכם וגו׳ ונשמע וימס לבבנו ולא קמה עוד רוח באיש מפניכם. (ע״ב) אמרו בת י׳ שנים היתה כשיצאו ישראל ממצרים וזינתה כל ארבעים שנה שהיו ישראל במדבר אחר חמשים שנה נתגיירה אמרה ימחול לי בשכר חבל ופשתים וחלון:

אמר מר ועכו״ם בזמן הזה אינם רשאים לעשות כן מנא הני מילי דת״ר (ויקרא יז) דבר אל בני ישראל בני ישראל מצווין על שחוטי חוץ ואין העכו״ם מצווין על שחוטי חוץ לפיכך כל אחד ואחד עושה במה לעצמו ומקריב עליה כל מה שירצה. אמר ר׳ יעקב בר אחא אמר ר׳ אסי אסור לסייע ואסור לעשות שליחותו. אמר רבה ולאורינהו להו שרי כי הא דאיפרא הורמיז אימיה דשבור מלכא שדרה קורבנא לרבא אמרה להו קרבוהו ניהלי לשם שמים אמר להו רבא לרב ספרא ולרב אחא בר הונא זילו דברו תרי עולמי גילאי וחזו היכא

סרגל: דאמר מר. במכילתא בפרשת יתרו: אמרה. רחב ימחול לי בשביל חבל ופשתים והלון במכילתא הניא כגי אמרה רבש״ע בג׳ דברים הטאתי בג׳ דברים ימחול לי בחבל ובפשתים והלון שהיו המרגלים עולין לה ויורדין נהבלים דרך הסלון וגם טמנה אותם בפשתי העץ ובאותן ג׳ דברים עצמן זכתה להציל השלוחים:

מנא הני מילי. אבריתא דלעיל קאי דסיים בה דנכרים בזמן הזה רשאים לעשות כן דלא נאסרו להן במות: אסור לסייעם. בשעת איסור הבמות כגון בזמן הזה דקדושת ירושלים אין אוריה היתר: אורויי להו. היאך יעשו: זילו דברו הרי עולמי גילאי. לכו קחו שני נכרים בחורים בני גיל אחד שכן מי לדבר: היכא דמסקא ימא שרטון. לגיו״ן בלעז ומתייבש ונעשה קרקע

גזאגט צוא די מרגלים פון יהושע מיר האבען געהערט אז גאט האט טרוקען געמאכט די וואסער פון ים סוף פון אייערט וועגין. מיר האבען דאס געהערט איז צוא גאנגען אונזער הארץ אונ עס איז ניט געבליבען שטיין אלעבעדיגער אטעם אין קיין מענטש ווייל מיר האבען מורא פאר אייך. זעהן מיר אז בייא רחב איז אויך געוועזען דער גרעסטער וואונדער וואס דער ים איז טרוקען געווארין. אזוי וויא בייא יתרו. מען האט גזאגט ווען די יודען זענען ארויס געגאנגען פון מצרים איז רחב אלט געוועזען צעהן יאהר. אונ די גאנצע פערציג יאהר וואס די יודען זענען געוועזען אין דער מדבר. האט רחב מזנה געוועזען. דער נאך וויא זיא איז שוין אלט געווארען פופציג יאהר האט זיא זיך מגייר געוועזען. אונ זיא האט גזאגט פאר גאט רבונו של עולם מיט דרייא זאכען האב איך פאר דיר געזינדיגט מיט דעם שטריק אונ דעם פענסטער אונ די פלאקס. די וואס פלעגין קומען צוא מיר מזנה זיין. פלעג איך זייא בעהאלטען אין די פלאקס אונ פלעג זייא אראפ לאזין מיט אשטריק דורך דעם פענסטער. מיט די דרייא זאכען האב איך גיטאהן אמצוה. איך האב די מרגלים פון יהושע אויך בעהאלטען אין די פלאקס אונ האב זייא אראפ גילאזין מיט אשטריק דורך דעם פענסטער:

אמר. דער תנא האט גזאגט די גוים פון איצטיגער צייט טארין נישט אזוי טאן. זייא טארין ניט מקריב זיין אקרבן אויף אבמה (אויף איין שטיין) · פון וואנען ווייסען מיר אז עס איז ניט וויא דער תנא האט גזאגט. נאר די גוים מעגין יא מקריב זיין קרבנות אויף אבמה. וואורום די רבנן האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צו משה דוא זאלסט ריידען צו די יודען זייא זאלען ניט שעכטין קיין קרבן אויסער דעם משכן. יודען זענען פאר באטען זייא זאלען ניט שעכטין אקרבן אויסער דעם משכן. אבער גוים זענען ניט פר באטען זיי זאלן ניט שעכטן אקרבן אויסר דם משכן. דריבער מעג יעדער גוי מאכן אבמה פר זיך אונ מעג מקריב זיין קרבנות אויף די במה וויא פיל ער וויל. רבי יעקב בר אחא זאגט רבי אסי הט גזאגט. איוד טאר ניט העלפין דעם גוי מקריב צו זיין אקרבן אויף אבמה. אונ אז אגוי גיט אקרבן צו איוד אונ ער שיקט איהם ער זאל מקריב זיין דעם קרבן אויף אבמה פון דעם גוים וועגין. טאר ניט דער יוד מקריב זיין. רבה זאגט איוד מעג לערנען דעם גוי וויא אזוי מען איז מקריב אקרבן אויף אבמה. איפרא הורמיז די מוטער פון שבור מלכא האט געשיקט אקרבן צו רבא אונ זיא האט גזאגט מען זאל מקריב זיין דעם קרבן צו גאט פון מיינעט וועגין. הט רבא גזאגט

היכא דמסקא ימא שירטון ואייתי ציבי חדתי ואפיקו נורא מן מנא חדתא וקריבו ניהלה לשם שמים. א"ל אביי כמאן כר' אלעזר בן שמוע דתניא ר"א בן שמוע אומר מה מזבח שלא נשתמש בהם הדיוט אף עצים שלא נשתמש בהן הדיוט והא מודה ר' אלעזר בן שמוע בבמה דתניא כתוב אחד אומר (דה"א כא) ויתן דוד לארנן במקום שקלי זהב משקל שש מאות וכתיב (ש"ב כד) ויקן דוד את הגרן ואת הבקר בכסף שקלים חמשים הא כיצד גבה בכל שבט ושבט חמשים שקלים זהב שהם שש מאות רבי אומר משום אבא יוסי בן דוסתאי בקר ועצים ומקום מזבח בחמשים שקלים וכל הבית כלו בשש מאות רבי אליעזר בן שמוע אומר בקר ועצים ומקום מזבח בחמשים וכל הבית כלו בשש מאות דכתיב (שם) ויאמר ארונה אל דוד יקח ויעל אדני המלך הטוב בעיניו ראה הבקר לעולה והמורגים וכלי הבקר לעצים ורבא אמר לך ה"נ בהדרתי. מאי מוריגים

אמר

דבעינן שלא ישתמש הדיוט במזבח: ואייתי ציבי חדתי. שלא נשתמש בהם אדם שלא יהו שברי כלי: ואפיקו נורא ממנא חדתא. נראה לי שהוא פיוס"ל אצי"ר בלעז שמוציאין בו אש מן האבנים: ה"ג כמאן כרבי אלעזר בן שמוע דאמר מה מזבח וכו'. בתורת כהנים היא שנויה בפרשה ראשונה: כתוב אחד אומר. ברייתא זו משובשת היא בספרים ושנויה בתורת כהנים בספרי בברכת כהנים וכך היא שנויה הא כיצד מקום מזבח בחמשים וכל הבית בשש מאות רבי אומר בשם אבא יוסי בן דוסתאי גבה מכל שבט ושבט חמשים שהם שש מאות רבי אלעזר בן שמוע אומר ויקן דוד את הגורן כדמפורש בענין ומה מפורש בענין ויתן דוד לארונה במקום גו' זהב משקל שש מאות אבל הבקר לעולה והמוריגים וכלי הבקר לעצים בכסף שקלים חמשים שנאמר ויאמר ארונה וגו' והכי פירושא דקרא ויקן דוד את הגורן ולא פירש במה קנאה שהרי פירשו במקום אחר ויתן דוד לארונה במקום זהב משקל שש מאות ואת הבקר קנה בכסף שקלים חמשים משקל שש מאות לקמן מפרש כסף שוה משקל שש מאות זהב אלמא רבי אלעזר מודה בבמה דקתני והמוריגים לקח דוד לעצים כדכרי

צוא רַב סַפְרָא אונ צוּ רַב אַחָא בַּר הוּנָא גֵייט גֶעמְט צְווֵיי יוּנְגֶע גוֹיִם זֵייא זָאלֶען זַיין בֵּידֶע אֵיין הֵייךְ אונ אֵיינֶע יָאהְרִין אונ זָאלֶען גְלַייךְ אוֹיס זֶעהְן. אונ אִיר זָאלְט גֵיין צוּם יַם אונ אִיר זָאלְט זֶעהְן אַזוֹי אַאָרְט וואס דֶער יַם הָאט אָפּ גֶעטְרִיקוּנְט. אוֹיף דֶעם אָרְט זָאלְט אִיר שֶׁעכְטִין דֶעם קָרְבָּן. אונ אִיר זָאלְט נֶעמֶען נַייֶע הָאלְץ וואס מֶען הָאט נָאךְ מִיט זֵייא נִיט גֶענִיצְט. אונ אִיר זָאלְט אוֹיס צִיהֶען פַייֶער פוּן אַנַייֶע כְּלִי. אונ אִיר זָאלְט מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבָּן צוּ גָאט. הָט אַבַּיֵי גֶזָאגְט צוּא רַבָּה דוּא הַאלְטְסְט וויא רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן שַׁמּוּעַ. וואָרוּם מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן שַׁמּוּעַ זָאגְט אַזוֹי וויא אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ הָאט קֵיין פְּרָאסְטֶער מֶענְטְשׁ נִיט גֶענִיצְט. אַזוֹי הָאלְץ צוּם מִזְבֵּחַ מוּז אוֹיךְ זַיין אַזֶעלְכֶע וואס קֵיין פְּרָאסְטֶער מֶענְטְשׁ הָאט מִיט זֵיי נִיט גֶענִיצְט. דָאס אִיז נָאר צוּם מִזְבֵּחַ. אָבֶּער בַּייא אַבָּמָה אִיז רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן שַׁמּוּעַ אוֹיךְ מוֹדֶה אַז מֶען דַארְף נִיט קֵיין נַייֶע הָאלְץ. אונ זֵייא זֶענֶען דָאךְ גִינַאנְגֶען מַקְרִיב זַיין אוֹיף אַבָּמָה. צוּא וואס הָאסְטוּ גִיהֵייסֶען זֵייא זָאלֶען גֶעמֶען נַייֶע הָאלְץ. וואָרוּם מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט אִין אֵיין פָּסוּק שְׁטֵייט דָוִד הָאט גִיגֶעבִּין צוּ אַרְנָן פַאר דֶעם אָרְט זֶעקְס הוּנְדֶערְט גָאלְדֶענֶע טָאלֶערְס. אונ אִין אַנְדֶערִין פָּסוּק שְׁטֵייט דָוִד הָאט גִיקוֹיפְט דֶעם שַׁייֶער אונ דִיא אָקְסֶען פַאר פוּפְצִיג זִילְבֶּערְנֶע טָאלֶערְס. וויא אַזוֹי אִיז דָאס גִיוֶועְן. דָוִד הָט גֶענוּמֶען פוּן יֶעדֶער שֵׁבֶט פוּפְצִיג גָאלְדֶענֶע טָאלֶערְס. פוּן צְוֶועלְף שְׁבָטִים צוּא פוּפְצִיג טָאלֶער אִיז זֶעקְס הוּנְדֶערְט טָאלֶער. רַבִּי זָאגְט פוּן אַבָּא יוֹסִי בֶּן דוֹסְתָּאִים וֶועגִין אַזוֹי אִיז דֶער חֶשְׁבּוֹן פַאר דִיא אָקְסֶען מִיט דִיא הָאלְץ אונ דֶעם אָרְט פוּן מִזְבֵּחַ. הָאט דָוִד גִיגֶעבִּין פוּפְצִיג טָאלֶער. אונ פַאר דֶעם אָרְט פוּן דֶעם גַאנְצֶען בֵּית הַמִּקְדָשׁ הָאט דָוִד גִיגֶעבִּין זֶעקְס הוּנְדֶערְט טָאלֶער. רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן שַׁמּוּעַ זָאגְט אוֹיךְ אַזוֹי פַאר דִיא אָקְסֶען מִיט דִיא הָאלְץ אונ דֶעם אָרְט פוּן מִזְבֵּחַ הָאט דָוִד גִיגֶעבִּין פוּפְצִיג טָאלֶער. אונ פַאר דֶעם אָרְט פוּן דֶעם גַאנְצֶען בֵּית הַמִּקְדָשׁ הָאט דָוִד גִיגֶעבִּין זֶעקְס הוּנְדֶערְט טָאלֶער. אַזוֹי וויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַרַוְנָה הָאט גֶזָאגְט צוּ דָוִד זָאל דֶער קֶענִיג נֶעמֶען אונ זָאל מַקְרִיב זַיין וואס עֶר וויל. נֶעם דִיר דִיא אָקְסֶען פַאר עוֹלוֹת אונ דִיא מוֹרִיגִים אונ דִיא כֵּלִים פוּן דִיא אָקְסִין דָאס אִיז דֶער הָאקְעֶר וָאלְסְטוּ נֶעמֶען פַאר הָאלְץ צוּם פַאר בְּרֶענֶען דִיא עוֹלוֹת. זֶעהְן מִיר דָאךְ אַז רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן שַׁמּוּעַ הַאלְט אַז אוֹיף אַבָּמָה מֶעג מֶען מַקְרִיב זַיין מִיט אַלְטֶע הָאלְץ אוֹיךְ. דֶער הָאקֶער אִיז דָאךְ אַלְטֶע הָאלְץ. אונ רָבָא זָאגְט דָא שְׁמוּעֶכְט בַּיי אַנַייֶעם הָאקֶער וואס מֶען הָאט נָאךְ מִיט אִים

ארוזה: מטה של טורבל. כך הוא במסכת פרה פרק י"ב משנה ט': עיזא דקורקסא. כמין עז של עץ ויש בו יתדות חדין וגם עשוי חריצין חריצין ומוליכו ומביאו על הקשים של דישה לאחר שנידוש ומתחתכין ונעשין תבן: ומאי קרא. דהוא עשוי חריצין ותוך לדוש ולדוק: בכסף כשש מאות שקלי זהב. וה"ק בכסף שוה שקלים חמשים של זהב גבה מכל שבט ושבט:

השמר לך. מאחר שהבאו אל המנוחה ואל הנחלה קאי קרא: מאי קרא. תאנת שילה חפשתיו ולא מצאתיו במקרא אבל מצאתי בספר יהושע בחלק בני יוסף ונסב הגבול מזרחה תאנת שילה תאנת לשון תאניה ואניה שהיו

אמר (רבא) [עולא] מטה של טורבל מאי מטה של טורבל אמר אביי עיזא דקורקסא דדישה אמר אביי מאי קרא (ישעיה מא) הנה שמתיך למורג חרוץ חדש וגו' מקרי ליה רבא לבריה ורמי ליה קראי אהדדי כתיב ויתן דוד לארנן במקום שקלי זהב משקל שש מאות. וכתיב ויקן דוד את הגרן ואת הבקר בכסף שקלים חמשים הא כיצד גבה מכל שבט ושבט חמשים שקלים שהם שש מאות ואכתי קשיין אהדדי הכתיב התם זהב והכא כתיב כסף אלא אימא גבה כסף במשקל שש מאות שקלי זהב:

(דף קיח) ז פיסקא קדשים קלים נאכלין בכל הרואה. מנא הני מילי א"ר אושעיא אמר קרא (דברים יב) השמר לך פן תעלה עולותיך בכל מקום אשר תראה בכל מקום אשר אתה רואה אי אתה מעלה אבל אתה אוכל בכ"מ אשר אתה רואה ר' אבדימי בר חמא אמר אמר קרא (יהושע טז) ונסב הגבול מזרחה. (ע"ב) תאנת שילה מאי תאנת שילה מקום שכל הרואה אותו מתאנה על אכילת קדשים שלו רבי אבהו אמר בן

נאר ניט גענוצט. וואס איז מוריגים. עולא זאגט דאס איז מטה של טורביל. וואס איז מטה של טורבל. אביי זאגט דאס איז עיזא דקורקסא דדישה [דאס איז אשטיק האלץ גימאכט אזוי וויא אקאזע. אונ אונטען איז דא אזוי וויא שארפע מעסערס אונ מען פירט דיא הילצערנע קאזע אויף דיא גידראשענע שטרוי. ווערט דיא שטרוי צוא שניטען אויף שטעקעו]. אביי זאגט דאס ווייסען מיר פון דעם פסוק הנה שמתיך למורג חרוץ חדש. איך וועל דיך מאכען וויא אנייער מורג מיט שארפע מעסערס. אונ דוא וועסט צו שנייד׳ען דיא פעלקער. זעהן מיר אז מורג איז צום שניידען תבואה; רבא האט גילערונט מיט זיין זוהן נביאים אונ ער האט איהם גיפרעגט דיא פסוקים. אין איין פסוק שטייט דוד הט גיגעבין צו ארנן פאר דעם ארט גאלדענע טאלערס וואס זייא האבען גיוואוגין זעקס הונדערט. אונ אין אנדערין פסוק שטייט דוד האט גיקויפט דעם שייער אונ דיא אקסען פאר פופציג זילבערנע טאלערס. וויא אזוי איז דס גיוועז; דוד האט גענומען פון יעדער שבט פופציג טאלער. איז גיוועזען צוועלף מאהל פופציג איז זעקס הונדערט; פרעגט דיא גמרא עס איז דאך נאך אקשיא אין איין פסוק שטייט עס איז גיוועזן גאלדענע טאלערס אונ אין איין פסוק שטייט עס איז גיוועזן זילבערנע טאלערס. נאר אזוי איז גיוועזן ער הט גינומען פון יעדער שבט זעקס הונדערט זילבערנע טאלערס. ווס זייא זענען ווערט גיוועזן פופציג גאלדענע טאלערס:

ז פיסקא. גרינגע קדשים [שלמים מעשר תודה] מעג מען עסין אויסער שילה אויף דעם ארט וואס פון דארט קען מען זעהן שילה. פון וואנען ווייסען מיר דעם דין; הט רבי אושעיא גזאגט עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט דיך היטען טאמער וועסטו אויף ברייגגען דיינע עולות אויף וועלכין ארט דוא וועסט זעהן [פון דארט דיא שטאט שילה]. זאגין מיר אזוי מיינט דער פסוק. אויף וועלכין ארט דוא קענסט פון דארט זעהן שילה. זאלסטו ניט מקריב זיין קרבנות. אבער עסין קרבנות מעגסטו אויסער שילה. אויף דעם ארט וואס פון דארט קענסטו זעהן שילה. רבי אבדימי בר חמא זאגט עס שטייט אין פסוק דער גרענעץ וועט ארום רינגלען אין מזרח זייט אין דעם ארט תאנת שילה. וואס איז דער טייטש תאנת שילה. תאנת איז אזוי וויא תאנה. זיפצען; אז דער משכן וועט חרוב ווערין ווער עס וועט זעהן דעם ארט וועט ער זיפצען ווייל ער וועט זיך דער מאנען אויף דעם ארט פרעגט מען אמאהל עסין קרבנות ווייל פון דעם ארט פרעגט מען זעהן שילה. רבי אבהו זאגט פון דעם פסוק בן פורת

(בראשית מט) בן פורת יוסף בן פורת עלי עין. עין שלא רצתה ליהנות מדבר שאינו שלה תזכה ותאכל כמלא עין שלה רבי יוסי בר׳ חנינא אמר (דברים לג) ורצון שוכני סנה עין שלא רצתה ליהנות מדבר שאינו שלה תזכה ותאכל בין השנואים שלה:

ח כי אתא רב דימי אמר רב בארבעה מקומות שרתה להן שכינה לישראל בשילה בנוב ובגבעון ובבית עולמים ובכלן לא שרתה אלא בחלק בנימין שנאמר (דברים לג) חופף עליו וגו׳ כל התפיפות לא יהיו אלא בחלקו של בנימין אזל אביי אמרה קמיה דרב יוסף אמר חד בר הוה ליה לכליל ולא מיתקין והכתיב (תהלים עח) ויטש משכן שילה אהל שכן באדם וכתיב וימאס באהל יוסף ובשבט אפרים לא בחר אמר רב אדא ומאי קושיא דילמא שכינה בחלק בנימין וסנהדרין בחלק של יוסף כדרך שמצינו בבית עולמים שכינה בבנימין וסנהדרין בחלק של יהודה אמר ליה הכי

מהאוהים שמשם היו זוכרין אכילת קדשים מביהם במקום מראיהו: שאינו שלה. אשת אדוניו: בן פורת. לשון פריה ורביה מקום אכילת קדשים נתרבה לו על דבר העין ושילה בחלק יוסף היתה דכתיב וימאס באהל יוסף וכתיב ויטוש משכן שילה כתיב: ורצון. ע״י רצון שלא רצה ליהנות ממה שאינו שלו: בין השנואים שלה. קדשים נאכלין אף בגבולי שאר השבטים ששנאוהו. ופירשו עוד בגמרא שאפילו אינו רואה בולה אלא רואה מקצתו נאכלין שם קדשים קלים וכגון בי כנישתא דמעון שמשם היו רואין שילה ואין דבר מפסיקו:
חד בר הוה ליה לכליל ולא מיתקן. כלומר כעיני אביו של אביי כליל שמו: מי

יוסף בן פורת עלי עין. דיא אויג וואס האט ניט געוואלט הנאה האבען פון דער זאך וואס איז ניט אירע (פון פוטיפרס ווייב). זאל זיא זוכה זיין אז קרבנות עסין זאל געהערין צוא דיא אויג. אויף וועלכין ארט מען קען פון דארט זעהן מיט דיא אויג דיא שטאט שילה וואס זי איז געוועזן אין חלק פון יוסף. דארט זאל מען מעגין עסין קרבנות. רבי יוסי ברבי חנינא זאגט עס שטייט אין פסוק ורצון שוכני סנה. דיא אויג וואס האט ניט געוואלט הנאה האבען פון דער זאך וואס איז ניט אירע (פון פוטיפרס ווייב): זאל זיא זוכה זיין צוא זעהן וויא מען וועט עסין קרבנות צווישען אירע שונאים. דאס מיינט מען אין ארץ ישראל אויסער שילה וואס פון דארטען קען מען זעהן שילה: וואס דארטין וואוהנען אלע שבטים וואס זענען געוועזן שונאים צוא יוסף רצון איז דער טייטש דער ווילען. ווס ער הט ניט געוואלט קוקען אויף פוטיפרס ווייב. סנה איז דער טייטש פיינדשאפט:

ח כי: אז רב דימי איז געקומען האט ער געזאגט פון רבס וועגין אין פיר ערטער האט גירוהט דיא שכינה ביא יודען. אין שילה. אין נוב. אין גבעון. און אין בית המקדש. און אין דיא אלע פיר ערטער האט זיא נאר גירוהט אין דעם חלק פון בנימין אזוי ווי עס שטייט אין פסוק חופף עליו. אלע בדעקונג ווס דיא שכינה האט בדעקט דעם ארון איז נאר געוועזן אין דעם חלק פון בנימין. איז געגאנגען אביי און האט געזאגט דיא רייד פאר רב יוסף. האט רב יוסף געזאגט איין זוהן האט כליל דער פאטער פון אביי גיהאט און ער איז ניט גוט. עס שטייט דאך אין פסוק גאט הט פר לאזין דעם משכן פון שילה. דעם געצעלט וואס ער האט געמאכט רוהען צווישען מענטשין האט ער פאר לאזין. נאך שטייט אין פסוק ער האט פאר מיאוסת דעם געצעלט פון יוסף און דעם שבט אפרים האט ער ניט אויס דער וויילט. זעהן מיר דאך אז דיא שכינה האט גירוהט אין חלק פון יוסף. האט רב אדא געזאגט וואס איז דיא קשיא טאמער איז געוועזן דיא שכינה אין חלק פון בנימין. און דיא סנהדרין זענען געוועזן אין חלק פון יוסף. אזוי וויא מיר געפינען אין בית המקדש. דיא שכינה איז געוועזן אין חלק פון בנימין און דיא סנהדרין זענען געוועזן אין חלק פון יהודה. האט רב יוסף געזאגט צו רב אדא דאס איז ניט גלייך איינס צום אנדערין. דיא נחלה פון יהודה איז געוועזן צו זאמען מיט דיא נחלה פון בנימין איינס נעבין דאס אנדערע: האט געקענט זיין דיא שכינה אין בנימין און דיא סנהדרין אין יהודה. אבער דיא נחלה פון יוסף איז דען געוועזן נעבין דיא נחלה פון בנימין. האט רב אדא געזאגט יא עס איז טאקי אזוי געוועזן. דיא נחלה פון יוסף איז געוועזן נעבין דיא

מקרבן. שילה וגבול נחלת בנימין: תאנת שילה. על שם שהיה בנימין מתאונן עליה: בעה"ז. כל מקום שנראתה שכינה ואף שילה ונוב וגבעון:
שתיירו לשילה. מה"פ שהי' מיציאת מצרים עד בנין הבית שס"ע שנים: ובשניה הוקם

הכי השתא בשלמא התם מקרבן נחלות אהדדי אלא הכא מי מיקרבן אין ה"נ מקרבן כדא"ר חמא בר חנינא רצועה היתה יוצאת מחלקו של יהודה ונכנסה לחלקו של בנימין ובה היה מזבח בנוי והיה בנימין הצדיק מצטער עליה לבולעה ה"נ רצועה היתה יוצאת מחלקו של יוסף ונכנסה בחלקו של בנימין והיינו דכתיב (יהושע טז) תאנת שילה. בתנאי ר"מ אומר (דברים לג) חופף עליו זה העה"ז כל היום אלו ימות המשיח ובין כתפיו שכן זה העה"ב רבי אומר חופף עליו זה מקדש ראשון כל היום זה מקדש שני ובין כתפיו שכן אלו ימות המשיח:

ת"ר ימי אהל מועד שבמדבר ארבעים שנה חסר אחת. ימי אהל מועד שבגלגל ארבע עשרה שנה שבע שכבשו ושבע שחלקו. ימי אהל מועד שבנוב ושבגבעון נ"ז נשתייר לשילה ש ע חסר אחת. ימי אהל מועד שבמדבר ארבעים חסר אחת מנ"ל דאמר מר שנה ראשונה עשה משה את המשכן בשניה הוקם ושלח משה מרגלים י"ד בגלגל ז' שכבשו וז' שחלקו

נַחֲלָה פוּן בִּנְיָמִין. אַזוֹי וִויא רַבִּי חָמָא בַּר חֲנִינָא הָאט גְזָאגְט. אַלַאנְגֶע אוּנ אַשְׁמָאלֶע שְׁטִיק עֶרְד אַזוֹי וִויא אַפַּאס אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן יְהוּדָהס חֵלֶק אוּנ אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין בִּנְיָמִיּוס חֵלֶק. אוּנ אוֹיף דִיא שְׁטִיק עֶרְד אִיז גִיוֶוען גִיבָּאדְט דֶער מִזְבֵּחַ. הָאט בִּנְיָמִין הַצַּדִּיק גִיהַאט גְרוֹיס צַעַר אוּנ עֶר הָאט גִיוָואלְט אַיין שְׁלִינְגֶען דֶעם מִזְבֵּחַ. דָא אִיז אוֹיך אַזוֹי גִיוֶוען אַשְׁטִיק עֶרְד וִוי אַפַּאס אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן יוֹסֵפְס חֵלֶק אוּנ אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין בִּנְיָמִינְס חֵלֶק. אוּנ אוֹיף דֶעם פַּאס עֶרְד זֶענֶען גִיזֶעסֶן דִיא סַנְהֶדְרִין דְרִיבֶּער שְׁטֵייט תַּאֲנַת שִׁילֹה. ווייל בִּנְיָמִין הָט גִיטְרוֹיעֶרְט פַּאר וָואס אִין שִׁילֹה זִיצֶען דִיא סַנְהֶדְרִין. זָאגְט דִיא גְמָרָא תַּנָּאִים קְרִיגֶען אִין דֶעם פָּסוּק חוֹפֵף עָלָיו וָואס שְׁטֵייט בַּיי בִּנְיָמִין; רַבִּי מֵאִיר זָאגְט חוֹפֵף עָלָיו וִדיא שְׁכִינָה הָאט בַּדֶעקְט אוֹיף בִּנְיָמִין אוֹיף דֶער וֶועלְט. וואו דִיא שְׁכִינָה הָאט גִירוּהט אִין שִׁילֹה אִין נוֹב אִין גִבְעוֹן אִיז אַלִין גִיוֶוען אִין חֵלֶק פוּן בִּנְיָמִין. כָּל הַיּוֹם. אַגַאנְצֶען טָאג דָאס מֵיינְט מֶען וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען. וֶועט אוֹיך דִיא שְׁכִינָה רוּהֶען אִין חֵלֶק פוּן בִּנְיָמִין. וּבֵין כְּתֵפָיו שָׁכֵן; אוּנ דִיא שְׁכִינָה רוּהט צְווִישֶׁען זַיינֶע אַקְסְלֶען. דָאס מֵיינְט מֶען צוּ עוֹלָם הַבָּא וֶועט גָאט הָאבֶּען אַאֱמֶת'ה בַּהֶעפְטוּנְג מִיט דֶעם שֵׁבֶט בִּנְיָמִין. רַבִּי זָאגְט חוֹפֵף עָלָיו וִדיא שְׁכִינָה הָאט בַּדֶעקְט אוֹיף בִּנְיָמִין אִין עֶרְשְׁטִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; כָּל הַיּוֹם וּאַגַאנְצֶען טָאג) דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם אַנְדֶערִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; וּבֵין כְּתֵפָיו שָׁכֵן דִי שְׁכִינָה רוּהט צְווִישֶׁען זַיינֶע אַקְסְלֶען. דָס מֵיינְט מֶען וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען. וֶועט גָאט הָאבֶּען אַאֱמֶת'ה בַּהֶעפְטוּנְג מִיט דֶעם שֵׁבֶט בִּנְיָמִין:

ת תָּנוּ רַבָּנָן. דִיא רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערְנְט דֶער אוֹהֶל מוֹעֵד אִיז גִישְׁטַאנֶען אִין דֶער מִדְבָּר נַיין אוּנ דְרַייסִיג יָאהר. אִין גִלְגָל אִיז גִישְׁטַאנֶען דֶער אוֹהֶל מוֹעֵד פֶערְצֶעהְן יָאהר. זִיבֶּען יָאהר הָאט גִידָאעֶרְט בִּיז מֶען הָאט אַיין גֶענוּמֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אוּנ זִיבֶּען יָאהר הָאט גִידָאעֶרְט בִּיז מֶען הָאט צוּ טֵיילְט אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אִין דִיא פֶערְצֶעהְן יָאהר אִיז דֶער וַוייל דֶער אוֹהֶל מוֹעֵד גִישְׁטַאנֶען אִין גִלְגָל. אִין נוֹב אוּנ אִין גִבְעוֹן אִין בֵּיידֶע צוּ זַאמֶען אִיז דֶר אֹהֶל מוֹעֵד גִישְׁטַאנֶען זִיבֶּען אוּנ פוּפְצִיג יָאהר. אוּנ אִין שִׁילֹה אִיז דֶער אוֹהֶל מוֹעֵד גִישְׁטַאנֶען דְרַייא הוּנְדֶערְט מִיט נַיין אוּנ זֶעכְצִיג יָאהר. זָאגְט דִיא גְמָרָא פוּן וַואנֶען ווייסֶען מִיר אַז דֶער אוֹהֶל מוֹעֵד אִיז גִישְׁטַאנֶען אִין דֶער מִדְבָּר נַיין אוּנ דְרַייסִיג יָאהר. וָוארוּם דֶער תַּנָּא הָאט גְזָאגְט דֶעם עֶרְשְׁטִין יָאהר וִויא דִיא יוּדֶען זֶענֶען אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן מִצְרַיִם הָאט מֹשֶׁה גִימַאכְט דֶעם מִשְׁכָּן; דֶעם אַנְדֶערִין יָאהר הָאט מֹשֶׁה אוֹיף גִישְׁטֶעלְט דֶעם מִשְׁכָּן. אוּנ עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט דִיא מְרַגְּלִים. אוּנ פוּן דֶעם מִשְׁכָּן אוֹיף שְׁטֶעלִין בִּיז דִיא יוּדֶען זֶענֶען אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִיז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. הָאט גִידָאעֶרְט נַיין אוּנ דְרַייסִיג יָאהר. אוּנ פוּן וַואנֶען ווייסֶען מִיר אַז אִין גִלְגָל אִיז דֶער מִשְׁכָּן גִישְׁטַאנֶען פֶערְצֶעהְן

שחלקו מנ"ל מדאמר כלב (יהושע יד) בן מ' שנה אנכי בשלוח וגו' ועתה הנה אנכי היום בן חמש ושמונים שנה כי עברו לירדן בר כמה הוי בר תמנין נכי תרתי וקאמר בן פ"ה שנה הרי שבעה שכבשו ושבעה שחלקו מנא לן אבע"א מדשבע כבשו שבע נמי חלקו אבע"א מדלא משכחת לה ארבעה עשר שנה אחר שהוכתה העיר. שבנוב ושבגבעון חמשים ושבע מנא לן דכתיב (ש"א ד) ויהי בהזכירו את ארון האלהים ויפול מעל הכסא אחורנית בעד יד השער ותשבר מפרקתו וימת ותניא כשמת עלי חרבה שילה ובאו לנוב כשמת שמואל חרבה נוב ובאו לגבעון וכתיב (שם ז) ויהי מיום שבת הארון בקרית יערים וירבו הימים ויהיו עשרים שנה הי ניניהו עשרים שנה עשר דשמואל בעצמו ושנה לשאול ושמואל ושתים לשאול בעצמו ושבע

המשכן. דכתיב בחדש הראשון בשנה השנית באחד לחדש הוקם המשכן: דקאמר כלב. בחלוקת הארץ כתיב שבא כלב להזכיר הנדור מיהושע א"ל בן ארבעים שנה אנכי בשלוח אותי משה ועתה הנה אנכי היום בן חמש ושמונים שנה והיא היתה שנה שנית ליציאת מצרים נתעכבו שוב במדבר ל"ח שנים נמצא כלב בן ע"ח שנה כשעברו את הירדן וקאמר בשעת חילוק בן פ"ה אנכי היום: הרי ז'. שנשהו לכבוש: ומדשבע כבשו שבע חלקו. סברא בעלמא היא: מדלא משכחת לה וכו'. מדלא מתוקמא קרא דכתיב ביחזקאל בכ"ה שנה לגלותנו וגו' אחר אשר הוכתה העיר וגו' [האריך רש"י בכאן במנין היובלים]: חרבה נוב. ע"י שאול: בקרית יערים. שם נתעכבו לסוף ז' חדשים שעמד בשדה פלשתים שנאמר ותכבד יד ה' על האשדודים והחזירוהו בעגלה חדשה ונתנוהו שם ועשה שם כ' שנים עד שהביאו דוד משם בשנה ראשונה שנעשה מלך על כל ישראל שהיא השנה השמינית למלכו על יהודה: ה"ג עשר דשמואל עצמו. שהיה שופט לבדו משמת עלי עד שמלך שאול ובמס' תמורה ה"ג לה עשר שנים שמלך שמואל לעצמו דאותה שנה ששאלו להם מלך היא שנה עשירית לשמואל הרמתי שנה אחת מלכו שמואל ושאול יחד שהיה שאול הולך אחר עצת שמואל עד שנכשל במעשה אגג וסר שמואל מעליו כדכתיב לא יסף שמואל לראות את שאול עד יום מותו ומלך שוב שאול ב' שנים וזה שכתוב במקרא ושתי שנים מלך על ישראל

יאהר. זיבען יאהר וואס מען האט איין גענומען ארץ ישראל. אונ זיבען יאהר וואס מען האט צו טיילט ארץ ישראל. ווארום כלב האט גזאגט איך בין אלט געוועזען פערציג יאהר ווען משה האט מיך געשיקט מיט דיא מרגלים. אונ איצט ווען מען גייט צו טיילען ארץ ישראל) בין איך אלט פינף אונ אכטציג יאהר. ווען מען איז אריבער גיגאנגען דעם ירדן איז דאך כלב אלט געוועזען אכט אונ זיבעציג יאהר. פון אכט אונ זיבעציג ביז פינף אונ אכטציג איז זיבען יאהר. האט דאך גידויערט פון ירדן אריבער גיין ביז אנהייבען צוא טיילען זיבען יאהר וואס מען האט גיהאלטען מלחמה. פון וואנען ווייסען מיר אז זיבען יאהר האט גידויערט דאס צו טיילען. אויב רוא ווילסט וועל איך דיר זאגען ווייל זיבען יאהר האט גידויערט דאס איין נעמען הט גידויערט זיבען יאהר דאס צוא טיילען. אונ אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגען ווייל אין פסוק שטייט פערצעהן יאהר דער נאך וויא דיא שטאט ירושלים איז גישלאגען גיווארען (איז גיוועזען פערצעהן יאהר נאך יובל: ווארום ירושלים איז גישלאגען גיווארען אום ראש השנה וואס עס האט זיך אויס גילאזען דער יובל: אונ מען קען אנדערש ניט רעכענען אז ירושלים איז גישלאגען גיווארין צום סוף יובל. ביידין מען וועט רעכענען אז זיבען יאהר האט גידויערט דיא מלחמה אונ זיבען יאהר האט גידויערט דאס צו טיילען). פון וואנען ווייסען מיר אז דער משכן איז גישטאנען אין נוב אונ אין גבעון צו ביידע צו זאמען זיבען אונ פופציג יאהר. ווארום עס שטייט אין פסוק וויא מען האט דער מאנט פאר עלי אז דער ארון פון גאט איז גיפאנגען גיווארען צו דיא פלשתים איז ער גיפאלען פון שטוהל אינטער זיך נעבין דעם טויער פון שטאט אונ זיין האקין איז צו בראכען גיווארען אונ ער איז גישטארבען. אונ מיר האבען גילערנט ווען עלי איז גישטארבען איז שילה חרוב גיווארען אונ דיא יודען זענען גיקומען אין נוב: אונ אז שמואל איז גישטארבען איז חרוב גיווארען נוב אונ דיא יודען זענען גיקומען אין גבעון. אונ עס שטייט אין פסוק פון דעם טאג וואס דער ארון איז גיזעסען אין קרית יערים. זענען דיא טעג גימערט גיווארען אונ עס איז גיווארין צוואנציג יאהר. ווער זענען דיא צוואנציג יאהר. צעהן יאהר וואס שמואל אליין האט געקיניגט. אונ איין יאהר וואס שאול מיט שמואל האבען געקיניגט צוא זאמען. אונ צוויא יאהר וואס שאול אליין האט געקיניגט דער נאך וויא שמואל איז גישטארבען. אונ זיבען יאהר וואס דוד האט געקיניגט אין חברון. אזוי וויא עס שטייט אי' פסוק אונ דיא יאהרין וואס דוד האט געקיניגט אין חברון האט ער געקיניגט זיבען יאהר. איז צוואנציג יאהר. אונ נאך דיא

דלא הטיב הכוא דמלך שמואל בהדיה והיינו דאמרינן במסכת תענית מי גרם לשאול שישב בגבעה שתי שנים ומחצה תפלתו של שמואל כרמה דההיא שנה דאשונה סרה ונגזרה עליו מיתה אלא שעמדה לו תפלתו של שמואל : וז' שנים שמלך דוד בחברון על יהודה . וכשהמליכוהו כל ישראל עליהם הביא את הארון מקרית יערים לעיר דוד הרי עשרים : דכתיב והימים אשר מלך דוד וגו' . ל"ג שנה הרי נ"ג וד' שמלך שלמה לפני בנין בית המקדש אותו שנה שלמו ת"פ שנים ליציאת מצרים נשתיירו לשילה שס"ט שנים :

ושבע שמלך דוד בחברון (דף קיח) שנאמר (מ"א ב) והימים אשר מלך דוד וגו' בחברון מלך שבע שנים וגו' ובשלמה כתיב (דה"ב ג) ויחל לבנות בחדש השני בשני בשנת ארבע למלכותו נשתיירו לשילה ש"ע חסר אחת : י ת"ר (דברים יב) כי לא באתם עד עתה אל המנוחה ואל הנחלה מנוחה זו שילה נחלה זו ירושלים ואומר (ירמיה יב) היתה לי נחלתי כאריה ביער ואומר (שם) העיט צבוע נחלתי לי דברי רבי יהודה ר' שמעון אמר מנוחה זו ירושלים נחלה זו שילה ואומר (תהלים קלב) זאת מנוחתי עדי עד ואומר (שם) כי בחר ה' בציון אוה למושב לו . בשלמא למאן דאמר מנוחה זו שילה היינו דכתיב אל המנוחה ואל הנחלה אלא למ"ד מנוחה זו ירושלים נחלה זו שילה אל הנחלה ואל המנוחה מיבעי ליה ה"ק לא מיבעיא מנוחה דלא מטיתו אלא אפילו נחלה נמי לא מטיתו :

צוואנציג יאהר האט דוד אפ גינומען דעם ארון פון קרית יערים אונ האט איהם גיבריינגט אין דיא שטאט פון דוד. אונ דרייא אונ דרייסיג יאהר איז דוד גיוועזן אמלך אויף אלע יודען. איז שוין דרייא אונ פופציג יאהר. אונ פיר יאהר האט שלמה געקיניגט ביז ער האט אן גיהויבען באהען דעם בית המקדש. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער האט אן גיהויבען באהען דעם אנדערין חודש (חודש אייר) דעם אנדערין טאג אין חודש דעם פערטין יאהר וויא ער איז גיווארין אמלך. פיר מיט דרייא אונ פופציג איז זיבען אונ פופציג. דער יאהר איז גיוועזן דער פיר הונדערט אני אכציגסטער וויא יודען זענען ארויס גיגאנגען פון מצרים. גייט אראפ פון דיא פיר הונדערט מיט אכטציג ניין אונ דרייסיג יאהר וואס דער משכן איז גישטאנן אין דער מדבר. פערצעהן יאהר וואס ער איז גישטאנען אין גלגל. זיבען אונ פופציג יאהר וואס ער איז גישטאנען אין נוב אונ אין גבעון. צו זאמען איז הונדערט מיט צעהן יאהר. פעלט נאך דרייא הונדערט מיט זיבעציג יאהר. איין יאהר האט גידויערט פון מצרים ארויס גיין ביז מען האט גימאכט דעם משכן. פערט נאך דרייא הונדערט מיט ניין אונ זעכציג יאהר. דיא דרייא הונדערט מיט ניין אונ זעכציג יאר איז דער משכן גישטאנען אין שילה:

י תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק איר זענט ניט גיקומען ביז איצט צו דיא רוהונג אונ צוא דיא ירושה. דיא רוהונג מיינט מען שילה (ווייל דארט האבן דיא יודען אפ גירוהט פון דיא מלחמה). דיא ירושה מיינט מען ירושלים. נאך זאגט דער פסוק מיין ארט וואס איך האב גימאכט ירשענן צוא דיא יודען (דאס איז ירושלים) איז גיווארן ווי אלייב אין וואלד. נאך זאגט דער פסוק אזוי וויא דער פויגעל וואס ער איז גיפארבט מיט בלוט אזוי איז גיווארין דיא שטאט ירושלים וואס איך האב גימאכט ירשענן צו דיא יודען. אזוי זאגט רבי יהודה. רבי שמעון זאגט דיא רוהונג מיינט מען ירושלים. דיא ירושה מיינט מען שילה; דער פסוק זאגט אויך אזוי אויף ירושלים דאס איז מיין רוהונג ביז אייביג. נאך זאגט דער פסוק גאט האט אויס דער ווייכט אין ציון. ער האט גיגלוסט אז ציון זאל זיין אזיצונג פאר איהם. זאגט די גמרא דער וואס זאגט דיא רוהונג מיינט מען שילה; אונ דיא ירושה מיינט מען ירושלים. איז רעכט וואס עס שטייט אין פסוק איר זענט נאך ניט גיקומען צוא דיא רוהונג אונ ניט צוא דיא ירושה. ניט אין שילה אונ ניט אין ירושלים. אבער נאך דעם וואס זאגט דיא רוהונג מיינט מען ירושלים אונ דיא ירושה מיינט מען שילה. דארף דאך שטיין אין פסוק איר זענט נאך ניט גיקומען צו דיא ירושה אונ ניט צוא דיא רוהונג. ווארום פריער מוז מען דאך קימען אין שילה דער נאך אין ירושלים. ענטפערט דיא גמרא אזוי מיינט דער פסוק צוא דיא רוהונג (צוא ירושלים) זענט איר געווים נאך ניט געקומען; נאר אפילו צו די ירושה (צו שילה) זענט איר נאך אויך ניט גיקומען:

(דף ז) **א רבי** אבימי תני מנחות בי רב חסדא. ואבימי בי רב חסדא תני והאמר רב חסדא קולפי טבי בלעי מאבימי עלה דהא שמעתא שמעתא בא להכריז רצופין ל' יום שני וחמישי ושני ס' יום אבימי מסכתא איתעקורי איתעקרא ליה ואתא קמיה דרב חסדא לאדכורי לגמריה ולישלח ליה וליתי לגביה סבר הכי מסתייעא מלתא טפי:

קולפי טבי. סכלות טובות: בלעי מאבימי. מאתי מאבימי כלומר שהיה מגזה אותו: עלה דהא שמעתא. במסכת ערכין דתנא הדא בזה היהומים ל' יום ותניא אידך ס' ומתרץ לה אבימי בא להכריז רצופין כל ימות השבת מכריז ל' יום: בא להכריז ב' וה'. מכריז עד ס' יום מיום שמתחיל עד יום שפוסק דהיינו י"ח ימי הכרזה בס' יום ומכריז מי יקנה נכסי יתומים הללו כדי שימכרו ביוקר והיה רב חסדא משכח גירסתו ומזכירו אבימי אלמא רב חסדא תלמיד דאבימי הוה: אבימי מסכתא דמנחות איעקר ליה. נשתכחה ממנו: ולישלח. לרב חסדא דליתי לגביה: מסתייע מילתא. משום יגעתי מצאתי:

הקומץ פרק שלישי

(דף יח) **א תניא** אמר רבי כשהלכתי למצות מדותי אצל ר' אלעזר בן שמוע ואמרי לה למצות מדותיו של ר"א בן שמוע מצאתי יוסף הבבלי יושב לפניו והיה חביב לו ביותר עד לאחת א"ל רבי השוחט את הזבח להניח מדמו למחר מהו א"ל כשר ערבית א"ל כשר שחרית א"ל כשר צהרים א"ל כשר מנחה

למצות מדותי. לידע מאי למודי ולשאול ספקותי: למצות מדותיו. ללמד ולמצות מה שרבי אלעזר הכם ממני והיה חביב יוסף לרבי אלעזר וכפתי בהלכות עד שהגיעו להלכה אחת בזבחים. ל"א שהיה חביב ליוסף כל מה שר"א מלמדו עד שהגיעו

פרק ראשון

א רבי אבימי האט גילערונט דיא מסכת מנחות ביא רב חסדא. פרעגט דיא גמרא אבימי האט גילערונט ביי רב חסדא. וויא אזוי קען דאס זיין. רב חסדא האט דאך גזאגט גוטע קלעפ האב איך איין גישלונגען פון אבימי אויף דעם דין. אין איין ברייתא שטייט אז מען דארף פאר קויפען אזאך פון יתומים זאל מען אוים רופען דרייסיג טעג. אונ אין איין אנדער ברייתא שטייט מען זאל אוים רופען זעכציג טעג. האט אבימי גיענטפערט אז מען רופט אוים אלע טעג פון דער וואך איין טאג נאך דעם אנדערין: דארף מען אוים רופען דרייסיג טעג. אונ אז מען רופט אוים נאר מאנטאג אונ דאנערשטאג. דארף מען אוים רופען דיא אלע מאנטאג אונ דאנערשטאג וואס עס איז דא אין זעכציג טעג: אונ רב חסדא האט דעם תירוץ פאר געסין אונ אבימי האט איהם דער מאנט זעהן מיר דאך אז רב חסדא איז גיוועז א תלמיד פון אבימי. ענטפערט דיא גמרא אבימי האט פאר געסין דיא מסכת מנחות. איז ער געקומען צוא רב חסדא ער זאל איהם דער מאנען דיא גמרא. פרעגט דיא גמרא האט אבימי גידארפט שיקען צוא רב חסדא ער זאל קומען צוא איהם: ענטפערט דיא גמרא אבימי האט גיטראכט אז איך וועל מיך דער נידערין אונ וועל גיין צו רב חסדא וועט מיר גאט העלפין איך זאל זוכה זיין צו לערנען די מסכתא אונ איך זאל איר שוין ניט פאר געסין:

פרק שלישי

א תניא. מיר האבען גילערונט רבי זאגט אז איך בין גיגאנגען צוא רבי אלעזר בן שמוע פרעגין ביי איהם וואס איך האב ניט געוואוסט אין לערנען. אנדערע זאגען אזוי האט רבי גזאגט אז איך בין גיגאנגען צוא רבי אלעזר בן שמוע זעהן מיט וויא פיל ער קען בעסער לערנען פאר מיר. האב איך געפונען יוסף הבבלי זיצט פאר רבי אלעזר בן שמוע. אונ יוסף איז גיוועזן זייער ליב ביא רבי אלעזר. אונ זייא האבען געשמועסט פון דינים ביז זייא זענען געקומען צו איין דין פון קרבנות. האט יוסף גזאגט צו רבי אלעזר רבי אז איינער שעכט א קרבן אונ ער טראכט ער זאל לאזין דיא בלוט אויף מארגין. וויא איז דער דין. האט רבי אלעזר גזאגט עס איז כשר. ביינאכט האט רבי אלעזר גזאגט עס איז כשר. אין דער פריא האט

מנחה א"ל כשר אלא שר' אליעזר פוסל צהבו פניו של יוסף הבבלי א"ל יוסף כמדומה אני שלא כוונו שמועתנו עד עתה א"ל רבי חן אלא שר' יהודה פסול שנה לי וחזרתי על כל תלמידיו ובקשתי לי חבר ולא מצאתי עכשיו ששנית לי פסול החזרת לי אבדתי זלגו עיניו דמעות של ר"א בן שמוע אמר אשריכם תלמידי חכמים שדברי תורה וחביבין עליכם ביותר קרא עליו המקרא הזה (תהלים קיט) מה אהבתי תורתך כל היום היא שיחתי:

פירוש: להלכה אחת : להבו פניו . מרוב שמחה : שלא כוונו שמועתנו . כלומר דלא סליק לך אליבא דהלכתא כל דאמרי לך עד השתא : רבי חן . כוונת וכוונת אלא משום הכי להבו פני השתא שרבי יהודה פסול שנה לי : ולא מצאתי. והייתי מתיירא שמא שכחתי :
ברית אמורה במלח. שלא תפסוק מקרבנות בין לר"י בין לר"ש ליכא מידי אלא משמעות דורשין :
ב' מהם עושין פירות . דאתרוג ותמרים : יהיו זקוקין . כלומר כולן יהיו כא' : בהלכתם . כשהן מתענין אין נענין עד שיהו כולן באגודה אחת רשעים וצדיקים דומיא דעושין פירות [ואין עושין

(ף יט ע"ב) **ב תניא** (במדבר יח) ברית מלח עולם היא שתהא (דף כ) ברית אמורה במלח דברי ר' יהודה ר"ש אומר נאמר כאן ברית מלח עולם היא ונאמר להלן (שם כה) ברית כהנת עולם כשם שאי אפשר לקרבנות בלא כהונה כך א"א לקרבנות בלא מלח:

ד. כז) **ג ארבעה** מינין שבלולב ב' מהם עושין פירות וב' מהן אינן עושין פירות העושין פירות יהיו זקוקין לשאין עושין פירות ושאין עושין פירות יהיו זקוקין לעושין פירות ואין אדם יוצא ידי חובתו בהן עד שיהו כולן אגודה אחת. וכן ישראל

רבי אלעזר גזאגט עס איז כשר. האלבען טאג האט רבי אלעזר גיזאגט עס איז כשר. צו מנחה האט רבי אלעזר גיזאגט עס איז כשר. נאר רבי אליעזר זאגט עס איז פסול. איז רויט גיווארין דער פנים פון יוסף הבבלי פון גרויס שמחה. האט רבי אליעזר גזאגט צו יוסף. יוסף מיר דוכט אז וואס איך האב דיר גזאגט ביז איצט האב איך ניט גיטראפען צום דין. האט יוסף גיזאגט צוא רבי אלעזר רבי דוא האסט טאקי יא גיטראפען צום דין נאר דריבער בין איך פערלאך גיווארען ווייל רבי יהודה האט מיר גילערונט עס איז פסול. אונ איך האב גיזוכט צווישען אלע זיינע תלמידים ווער עס זאל אויך זאגען פסול. אונ איך האב ניט געפונען. איצט אז דוא האסט מיר גילערונט אז רבי אליעזר האלט פסול. האב איך שוין אחבר צוא רבי יהודה. האסטו מיר צוריק גיגעבען וואס איך האב פאר לארען. דריבער בין איך פערייאך גיווארען. איז גיגאנגען טרערין פון רבי אלעזר בן שמוע'ס אויגען. אונ ער האט גזאגט וואוהל צו אייך תלמידי חכמים וואס דיא תורה איז אויף אייך אזוי שטארק ליב. האט רבי אלעזר גילייענט אויף יוסף דעם פסוק וואס דוד המלך האט גזאגט ווי ליב האב איך דיין תורה דעם גאנצען טאג שמועס איך מיט איר:

ב תניא: מיר האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק ברית מלח עולם היא. מיט זאלץ האב איך גימאכט אאייביגע פאר בינדונג אז ביי אלע קרבנות זאל מוזין זיין זאלץ. אזוי זאגט רבי יהודה. רבי שמעון זאגט דא שטייט ברית מלח עולם היא. אונ דארט שטייט ברית כהונת עולם. אזוי ווי קרבנות קענען ניט געמאכט ווערין אן הכהן. אזוי קענען קרבנות ניט געמאכט ווערין אן זאלץ:

ג ארבעה. דיא פיר מינים פון לולב. אויף צוויי מינים וואקסט פירות ואויף דעם אתרוג בוים וואקסט אתרוגים. אונ דער לולב איז פון אטייטעל בוים וואס אויף איהם וואקסט טייטעלען. אונ אויף דיא אנדערע צוויי מינים (דעם הדס אונ דיא ערבה) וואקסט ניט קיין פירות. דיא צוויי מינים וואס אויף זייא וואקסט פירות מוזען האבען דיא צוויי מינים וואס אויף זייא וואקסט ניט קיין פירות אונ דיא אנדערע צווייא מינים (הדס אונ ערבה) וואס אויף זייא וואקסט ניט פירות מוזען האבען דיא צווייא מינים וואס אויף זייא וואקסט יא פירות. אונ עס איז אנדערש ניט קיין מצוה סיידין מען בינדט צו זאמען אלע פיר מינים. אונ אז יודען פאסטען אונ בעטען ביא גאט ווערין זייא אויך אנדערש ניט גיענפערט סיידין זייא זענען אלע צוא זאמען אין איין שוהל צדיקים אונ רשעים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק הבונה בשמים

בהרצאה עד שיהו כולן באגודה אחת שנאמר (עמוס ט) הבונה בשמים מעלותיו ואגודתו על ארץ יכדה :

(דף כח ע"ב) **ד תניא** אידך לא יעשה אדם בית תבנית היכל אכסדרה כנגד אולם חצר כנגד עזרה שלחן כנגד שלחן מנורה כנגד מנורה אבל עושה הוא של ה' ושל ו' ושל ח' . ושל ז' לא יעשה ואפילו משאר מיני מתכות. רבי יוסי בר' יהודה אומר אף של עץ לא יעשה כדרך שעשו בני השמונאי א"ל משם ראיה שפודין של ברזל היו וחיפום בבעץ העשירו עשאום של כסף הזרו והעשירו עשאום של זהב :

פירוש : על ארץ יסדה. בזמן שאגודתו כיחד אז יסדה :
תבנית היכל. למדת אורך ורוחב וקומה שתהא דומה לו בשלשתן : אכסדרה. אין לה מחיצה רביעית וכן אולם : כנגד אולם. שהיה רחבו כ' ורומו מ' כדאמרינן במעתא קמייתא דעירובין : אבל עושה. המנורה של ה' או של ו' קנים או של ח' דאינו דומה למנורת מקדש שהם היו ז' קנים: ושל ז' לא יעשה. אפילו של שאר מיני מתכות שאינו זהב משום דדומה לשל מקדש שאף הוא כשר בשאר מיני מתכות : אף של עץ לא יעשה. שהרי הוא כדרך שעשו מלכי בית החשמונאי : בעץ. גדיל אשטיי"ן :
[משמיה דסבא. משום זקן א'] : הוא מכלות זהב. פסוק הוא : [זהב סגור. שבשעה

ה אמר שמואל משמיה דסבא גבהה של מנורה שמנה עשר טפחים הרגלים והפרח ג' טפחים וטפחיים חלק וכו' (דף כט) (דה"ב ד) והפרח והנרות והמלקחים זהב הוא מכלות זהב מאי מכלות זהב א"ר אמי שכלתו לכל זהב סגור של שלמה דא"ר יהודה אמר רב עשר מנורות עשה שלמה וכל אחת ואחת הביא לה אלף ככר זהב והכניסוהו אלף

מעלותיו ואגודתו על ארץ יסדה . גאט האט גיבאהט אין הימעל זיין וואוהנונג. אונ די ערד איז געגרינדעט גיווארען אויף דעם תנאי אז אלע מענטשין זאלען זיין איין בונד צדיקים מיט רשעים :

ד תניא. נאך אין אברייתא האבען מיר געלערונט אמענטש זאל ניט מאכען אשטוב אזוי הויך אונ ברייט אונ לאנג וויא דער היכל איז גיוועזען. אונ ער זאל ניט מאכען אאכסדרה (אשטוב נאר פון דריא ווענט) אזוי הויך אונ ברייט אונ לאנג וויא דער אולם איז געוועזען. אונ ער זאל ניט מאכען אהויף אזוי וויא די עזרה איז גיוועזען. אונ ער זאל ניט מאכען אטיש אזוי וויא דער טיש פון בית המקדש איז גיוועזען. אונ ער זאל ניט מאכען אמנורה אזוי וויא די מנורה פון בית המקדש איז גיוועזען. אבער ער מעג מאכען אמנורה פון פינף רערין פון זעקס רערין פון אכט רערין. נאר פון זיבען רערין טאר מען ניט מאכען. אונ אפילו ניט פון גאלד נאר פון אנדערע מאטריאל טאר מען אויך ניט מאכען. רבי יוסי בררבי יהודה זאגט אפילו פון האלץ אמנורה טאר מען אויך ניט מאכען. ווארום די חשמונאים האבען געמאכט אמנורה פון האלץ אין בית המקדש. האט מען גזאגט צו רבי יוסי פון דארט איז ניט קיין בעווייזונג. די מנורה וואס די חשמונאים האבען גימאכט איז גיוועזען פון אייזערנע שפיזען אונ מען האט זיי בדעקט פון הויבען מיט צין. אז זיי זענען רייכער גיווארען האבען זיי גימאכט פון זילבער. אז זיי זענען נאך רייכער גיווארען האבען זיי גימאכט פון גאלד. אבער אמנורה פון האלץ איז אין בית המקדש ניט גיוועזען. דריבער מעג מען מאכען אמנורה פון האלץ מיט זיבען רערין :

ה אמר. שמואל האט גזאגט איין אלטער מאן האט מיר גזאגט די הייך פון דער מנורה איז גיוועזען אכטצעהן טפחים. די פיס אונ אבלום איז גיוועזען צו דריי טפחים. אונ צוויי טפחים איז גיוועזען ליידיג. די בלום אונ די רערין אונ די צווייגלאך זענען גיוועזען גאלד. זיי האבען פאר לענדט גאלד. וואס מיינט מען זיי האבען פר לענדט גאלד. רבי אמי זאגט די מנורה האט פאר לענדט אלע פאר שלאסענע גאלד וואס שלמה האט גיהאט. ווארום רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין צעהן מנורות האט שלמה גימאכט. אויף יעדער מנורה האט ער גיגעבין טויזענד צענטנער גאלד: אונ טויזענד מאהל האט מען גישמאלצען אונ גילייטערט די גאלד. ביז עס איז גיווארען פון יעדערע טויזענד צענטנער גאלד איין צענטנער גילייטערטע גאלד. פרעגט די גמרא פרעגט דען אזוי פיל גאלד פון דעם שמעלצין. אז פון יעדער מאהל שמעלצין זאל פעלין

אלף פעמים לכור והעמידוהו על ככר. ומי חסר כולי האי והתניא ר' יוסי בר"י אומר מעשה והיתה מנורת בהמ"ק יתירה על של משה בדינר זהב קורדינקי והכניסוה פ' פעמים לכור והעמידוה על ככר כיון דקאי קאי. א"ר שמואל בר נחמני א"ר יונתן מ"ד (ויקרא כד) על המנורה הטהורה שירדו מעשיה ממקום טהרה. (שם) על השלחן הטהור מלמד שמגביהין אותו ומראין בו לחם הפנים לעולי רגלים ואומרים להם ראו חבתכם לפני המקום מאי חבתכם כדריב"ל דאמר ר' יהושע ב"ל נס גדול נעשה בלחם הפנים סלוקו כסדורו שנאמר (ש"א כא) לשום לחם חם ביום הלקחו. תניא רבי יוסי ברי יהודה אומר ארון של אש ושלחן של אש ומנורה של אש ירדו מן השמים וראה משה ועשה כמותן שנאמר (שמות כה) וראה ועשה כתבניהם אשר אתה מראה בהר אלא מעתה דכתיב (שם כו) והקמות את המשכן כמשפטו אשר הראית בהר הכי נמי הכא כתיב כמשפטו התם כתיב

פירוש

שמוכרין אותו נסגרות כל ההויות שמוכרין את הזהב: ומי חסר כולי האי. דקאמרת אלף ככר הכניסו אלף פעמים לכור עד שיעמוד על ככר אלמא בכל פעם חסר ככר: קורדינקי. שם מטבע: כיון דקאי. שנצרף יפה בימי שלמה קאי לפיכך לא חסר עכשיו אלא דינר]: ממקום טהרה. מן השמים הראוהו למשה מנורה ועשה כנגדה: (מלמד שמגביהין אותו. מפרש בגמרא דה"ק דכיון דכתיב השלחן הטהור דמשמע דאיכא טמא והלא כמוהו אינו טמא דכלי עשוי לנחת הוא ואינו מקבל טומאה אלא דומיא דשק שהוא מיטלטל מלא וריקן): אלא מלמד שמגביהין אותו וכו'. הלכך מיטלטל מלא וריקן הוא: חם ביום הלקחו. משמע כשמסלקין אותו היה חם: כתבניהם. אתר ארון ומנורה ושלחן כתיב אשר אתה מראה

אַצֶענְטֶער. מִיר הָאבֶּען דָאךְ גֶילֶערְנְט רַבִּי יוֹסֵי בְּרַבִּי יְהוּדָה זָאגְט אַמָאהל הָאט מֶען גִיוואוֹגִין דִיא מְנוֹרָה פוּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז זִיא גִיוֶועז שְׁוֶוערֶער וִויא דִיא מְנוֹרָה פוּן מֹשֶׁה מִיט אַגָאלְדֶענֶעם גִילְדִין וָואס עֶר הֵייסְט קוֹרְדִינְקִי. הָאט מֶען דִיא מְנוֹרָה אַרֵיין גִילֵייגְט אַכטְצִיג מָאהל אִין פַייעֶר אִיז זִיא גִיוָוארֶען אַרִיכְטִיגֶער צֶענְטְנֶער. אַזוֹי וִויא דִיא מְנוֹרָה פוּן מֹשֶׁה. זֶעהֶן מִיר דָאךְ אַז פוּן אַכטְצִיג מָאהל הָאט נָאר גִיפֶעלְט אַיין רֶענְדִיל. עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא וַוייל דִיא מְנוֹרָה אִיז שׁוֹין גִיוֶועזֶען אִין פַייעֶר טוֹיזֶענְד מָאהל אוּנ זִיא אִיז שׁוֹין גוּט גִילַייטֶערְט גִיוָוארֶען. דְרִיבֶּער הָאט שׁוֹין אִיצְט נִיט גִיקֶענְט פֶעלִין פוּן אִיר נָאר אִין אַכטְצִיג מָאהל אַיין רֶענְדִיל. רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָנִי הָאט גִזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹנָתָן וֶועגִין עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אוֹיף דִיא רֵיינֶע מְנוֹרָה. פַאר וָואס רוּפְט מֶען זִיא דִיא רֵיינֶע. וַוייל דִיא אַרְבֶּעט פוּן דִיא מְנוֹרָה אִיז גֶעוִויזֶען גִיוָוארֶען פוּן אַרֵיינֶעם אָרְט. מֶען הָאט גֶעוִויזֶען צוּ מֹשֶׁה פוּן הִימֶעל אַמְנוֹרָה. אוּנ אַזוֹי הָאט עֶר נָאךְ גִימַאכְט דִיא מְנוֹרָה פוּן מִשְׁכָּן. עֶס שְׁטֵייט אִין פְּסוּק עַל הַשֻּׁלְחָן הַטָּהוֹר. אוֹיף דֶעם רֵיינֶעם טִישׁ. זֶעהט אוֹיס אַז דֶער טִישׁ וָואלְט גִיקֶענְט זַיין טָמֵא. דֶער טִישׁ קֶען דָאךְ גָאר נִיט טָמֵא וֶוערִין. וָוארוּם אַזוֹי אַכֵּלִי פוּן הָאלְץ וָואס אִיז גִימַאכְט גֶעוָוארִין עֶס זָאל אֵייבִּיג שְׁטֵיין אוֹיף אֵיין אָרְט קֶען נִיט טָמֵא וֶוערִין. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא דֶער טִישׁ שְׁטֵייט אוֹיךְ נִיט אַלֶע מָאהל אוֹיף זַיין אָרְט. וָוארוּם אַז דִיא יוּדֶען זֶענֶען גִיקוּמֶען אוֹיף יוֹם טוֹב אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. הָאט מֶען אוֹיף גִיהוֹיבֶּען דֶעם טִישׁ אוּנ מֶען הָאט גֶעוִויזֶען פַאר דִיא יוּדֶען דֶעם לֶחֶם הַפָּנִים. אוּנ מֶען הָאט גִזָאגְט צוּא זֵייא זֶעהט אַייעֶר לִיבְּשַׁאפְט פַאר גָאט. וָואס אִיז גִיוֶועז דִיא לִיבְּשַׁאפְט. אַזוֹי וִויא רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי הָאט גְזָאגְט אַגְרוֹיסֶער נֵס אִיז גִישָׁאהֶן גִיוָוארִין בַּיי דֶעם לֶחֶם הַפָּנִים. מֶען הָאט אִיהם אַרָאפּ גֶענוּמֶען פוּן טִישׁ אַזוֹי וִויא מֶען הָאט אִיהם אַרוֹיף גִילֵייגְט אוֹיף דֶעם טִישׁ. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק צוּ טָאהן בְּרוֹיט וָואס עֶר אִיז וַוארֶעם וֶוען מֶען נֶעמְט אִיהם אַרָאפּ. מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט רַבִּי יוֹסֵי בְּרַבִּי יְהוּדָה זָאגְט אַאָרוֹן פוּן פַייעֶר אוּנ אַטִישׁ פוּן פַייעֶר אוּנ אַמְנוֹרָה פוּן פַייעֶר זֶענֶען אַרָאפּ גֶעקוּמֶען פוּן הִימֶעל אוּנ מֹשֶׁה הָאט זֵייא גִיזֶעהְן אוּנ עֶר הָט גִימַאכְט פוּן גָאלְד אַזוֹי וִויא דִיא פַייעֶרְדִיגֶע הָאבֶּען אוֹיס גִיזֶעהְן. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פְּסוּק גָאט הָט גִיזָאגְט צוּ מֹשֶׁה זֶעה אוּנ מַאךְ (דֶעם אָרוֹן אוּנ דִיא מְנוֹרָה אוּנ דֶעם טִישׁ) וִויא דֶער גִישְׁטַאלְט וָואס דוּא בִּיזְט גֶעוִויזֶען גִיוָוארֶען אוֹיף דֶעם בַּארְג. זֶעהְן מִיר אַז גָאט הָאט גֶעוִויזֶען צוּא מֹשֶׁה פוּן הִימֶעל אַאָרוֹן אוּנ אַמְנוֹרָה אוּנ אַטִישׁ. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא אַז עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט הָאט גִיזָאגְט צוּ מֹשֶׁה דוּא זָאלְסְט אוֹיף שְׁטֶעלִין דֶעם מִשְׁכָּן אַזוֹי וִויא זַיין דִין וָואס דוּא בִּיסְט

כתיב בתבניתם. אמר ר' חייא בר אבא אמר רבי יוחנן גבריאל חגור כמין פסיקיא היה והראה לו למשה מעשה מנורה דכתיב (במדבר ח) וזה מעשה המנורה תנא דבי ר' ישמעאל שלשה דברים היו קשים לו למשה עד שהראה לו הקב"ה באצבע ואלו הן מנורה וראש חדש ושרצים מנורה דכתיב וזה מעשה המנורה ראש חדש דכתיב (שמות יב) החדש הזה לכם ראש חדשים שרצים דכתיב (ויקרא יא) וזה לכם הטמא וי"א אף הלכות שחיטה דכתיב (שמות כט) וזה אשר תעשה על המזבח:

(ע"ב) ו רמי בר תמרי דהוא חמוה דרמי בר דיקולי איפסיק ליה כרעיה דוי"ו דויהרג בניקבא אתא לקמיה דרבי זירא א"ל זיל אייתי ינוקא דלא חכים ולא טפש אי קרי ליה ויהרג כשר אי לא יהרג הוא ופסול:

בתר הכי הדר אחוי: הכי נמי. דמשכן של אש ירדה מן השמים בתמיה: ככה כמשפטו. משמע כהלכותיו כאמרו לו: כתיב בתבניתם. משמע כמותה כראהו: חגור כמין פסיקיא. אזור כדרך אומנין פרוזין לעשות מלאכה נאה והוגרין עצמן בלא יהו נגררין בבגדיהם: ראש חדש. בשעת מולד לבנה אינה נראית כי אם מעט ואינה ניכרת כדאמרינן בר"ה כזה ראיתם או כזה ראיתם: שרצים. לא היה מכיר איזה טמא ואיזה טהור: הלכות שחיטה. לא היה מבין מהיכן היא מוגרמת: וזה אשר תעשה על המזבח. ושחיטתם תהלת זביחה וכתיב וזה אלמא הראהו באצבעו:

וי"ו דויהרג. כל בכור אירע במקום נקב ונראה כמין יו"ד: דלא הכים. דאי הכים מבין שיהרף הוא לומר יהרג כלפי מעלה ואומר ויהרוג: ולא טפש. כלום טפש הוא אינו יודע לקרות אלא סות בלמה:

אמר

געוויזען געווארען אויף דעם בארג. וועסטו אויך זאגען אז גאט האט געוויזען צו משה דעם גאנצען משכן פון פייער. ענטפערט דיא גמרא דא שטייט אזוי וויא דער דין וואס דוא ביסט געוויזען געווארין: האט גאט נאר געוויזען צו משה דעם דין פון משכן. אונ דא שטייט ווי דער גישטאלט וואס דוא ביסט געוויזען געווארען. האט גאט געוויזען צו משה דעם גישטאלט פון ארון אונ פון דער מנורה אונ פון טיש. רבי חייא בר אבא האט גזאגט פון רבי יוחנן ווענין גבריאל איז גיווען ארום גיגארטעלט מיט אגארטיל אזוי וויא אבעל מלאכה. אונ ער האט געוויזען צו משה וויא אזוי דיא מנורה זאל גימאכט ווערין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אזוי זאל ווערין גיארבעט דיא מנורה. דבי רבי ישמעאל האט גילערנט דריי זאכען איז שווער גיווען בייא משה. ער האט זייא ניט גיקענט פאר שטיין: ביז גאט האט זייא איהם געוויזען מיט דעם פינגער. דאס זענען דיא דריי זאכען מנורה. ראש חודש. שרצים. דיא מנורה האט משה ניט געוואוסט וויא אזוי זיא זאל גימאכט ווערין ביז גאט האט זיא איהם געוויזען אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דאס איז דיא ארבעט פון ד"א מנורה: ראש חודש האט משה ניט געוואוסט וויא גרויס דיא לבנה בדארף זיין ווען מען זאל איר מקדש זיין. ביז גאט האט איהם געוויזען דיא לבנה: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער חודש זאל זיין ביי אייך דער בעסטער פון אלע חדשים. ווייל עס שטייט דער חודש. געוויס האט גאט איהם געוויזען דיא לבנה. שרצים האט משה ניט געוואוסט וועלכע מען מעג עסין אונ וועלכע מען טאר ניט. ביז גאט האט איהם געוויזען: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער זאל זיין ביי אייך טמא: אנדערע זאגען דיא דינים פון שחיטה האט אויך משה ניט געוואוסט. ביז גאט האט איהם געוויזען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דאס זאלסטו מאכען אויף דעם מזבח. אונ דאס ערשטע מאכונג פון קרבן איז דאך דס שעכטין: האט איהם גאט געוויזען וויא אזוי מען זאל שעכטין:

ו רמי בר תמרי. וואס ער איז דער שווער פון רמי בר דקולי איז ביי איהם איבער גיהאקט גיווארען דיא פוס פון דעם וא"ו פון ויהרוג כל בכור. ווייל אויף דעם ארט פון דעם וא"ו איז גיווארען אלעכיל אין פארמעט. איז רמי געקומען פאר רבי זירא אונ האט גיפרעגט בייא איהם דעם דין. האט רבי זירא גזאגט צו אים גיי ברייננ אקינד וואס ער איז ניט קלוג אונ ניט נארעש אונ ווייז איהם דעם ווארט. אויב דער קינד וועט לייענען ויהרג איז כשר. אונ אויב ער וועט ניט קענען לייענען ויהרג. מאכט דס יהרג איז פסול:

כתרים. כגון תגים של ש"ע : מי מעכב על ידך . מה שכתבת בתורה צריך להוסיף עוד עליהם כתרים : שהגיע לדבר . שצריך טעם : נתיישבה דעתו. של משה הואיל ומשמו אמר והלכ"פ שעדיין לא קבלה : במקולין . מקום הקצבים שוקלין בשרו כדאמרינן בברכות שם קו בשרו במסרקות של ברזל: דווקנים . שמדקדקין לעשות כתב מיושר : הטריה לגגיה דהי"ת . גגגו של הי"ת עושין למעלה כעין הטי . כלומר הקב"ה חי שוכן

ז אמר רב יהודה אמר רב בשעה שעלה משה למרום מצאו להקב"ה שיושב וקושר כתרים לאותיות אמר לפניו רבש"ע מי מעכב על ידך א"ל אדם אחד יש שעתיד להיות בסוף כמה דורות ועקיבא בן יוסף שמו שעתיד לדרוש על כל קוץ וקוץ תלי תלים של הלכות אמר לפניו רש"ע הראהו לי א"ל חזור לאחוריך הלך וישב לסוף שמונה שורות ולא היה יודע מה הם אומרים תשש כחו כיון שהגיע לדבר אחד אמרו לו תלמידיו רבי מנין לך אמר להם הלכה למשה מסיני נתיישבה דעתו חזר ובא לפני הקב"ה אמר לפניו רבש"ע יש לך אדם כזה ואתה נותן תורה על ידי א"ל שתוק כך עלה במחשבה לפני אמר לפניו רבש"ע הראיתני תורתו הראני שכרו א"ל חזור לאחוריך חזר לאחוריו ראה ששוקלין בשרו במקולין אמר לפניו רבש"ע זו תורה וזו שכרה א"ל שתוק כך עלה במחשבה לפני :

ח אמר רב אשי חזינא להו לספרי דיוקני דבי רב דחטרי ליה לגגיה דהי"ת ותלו ליה לכרעית דה"א

ז אמר . רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין . ווען משה איז ארויף גיגאנגען אויף דעם הימעל . האט ער גיטראפען גאט זיצט אונ ער מאכט קרוינגען צו דיא אותיות ודס זענען די סטריכעלאך וואס זענען אויף דיא אותיות אין דיא ספר תורה . האט משה גזאגט פאר גאט רבונו של עולם פאר וועמען האסטו מורא ארוים צו שרייבען וואס דוא ווילסט . וואס דוא שרייבסט קרוינגען אויף דיא אותיות . פון דיא קרוינגען זאל מען וויסען וואס דוא מיינסט . ווער וועט דאס וויסען וואס דוא מיינסט . האט גאט גזאגט צו משה עס איז דא איין מענטש וואס ער וועט גיבארען ווערין אין עטליכע דורות שפעטער . זיין נאמען וועט זיין עקיבא בן יוסף אונ ער וועט וויסען צו דרשנן אויף יעדער סטריכעלע בערג אויף בערג פול מיט דינים (אונ ווייל דיא דינים זענען זייער פיל קען מען זייא ניט ארוים שרייבען . נאר מען מוז זייא שרייבען אויפען וואונק אונ ווער עס וועט היימען וועט וויסען) . האט משה גזאגט פאר גאט רבונו של עולם ווייז מיר איהם . איך וויל איהם זעהן . האט גאט גזאגט צו משה קער דיך אום אינטער דיר . איז משה גיגאנגען ביז צום סוף דיא אכטע שורה תלמידים פון רבי עקיבא האט משה גיהערט זייא ריידען פון דער תורה אונ ער האט ניט געוואוסט וואס זייא ריידען . איז שוואך גיווארען דער כח פון משה וועגין צער . ווייל ער האט ניט גילערונט אזוי פיל תורה וויא פיל זייא לערנען ביז זייא זענען געקומען צו איין דין האבען דיא תלמידים גזאגט צו רבי עקיבא רבי פון וואנען ווייסטו דעם דין . האט רבי עקיבא צו זיי גזאגט דער דין איז גזאגט גיווארען צו משה אויף דעם בארג סיני . איז משה רוהיג גיווארען ווייל מען הט גזאגט דעם דין אויף זיין נאמען . אפילו ער האט נאך דעם דין גאר ניט גילערונט . נאר געווים וועט נאך גאט מיט איהם לערנען דיא אלע תורה וואס זייא ווייסען . איז משה צוריק געקומען פאר גאט אונ ער האט גזאגט רבונו של עולם דוא האסט אזוי אמענטש אונ דוא גיבסט דיא תורה דורך מיר אונ ניט דורך איהם . האט גאט גזאגט צו משה שווייג . אזוי האב איך אויך גיטראכט איך זאל געבין דיא תורה דורך רבי עקיבא . עס דארף אבער אזוי ניט זיין . האט משה גזאגט פאר גאט דוא האסט מיר געוויזען זיין תורה . ווייז מיר זיין שכר . האט גאט גזאגט צו משה קער דיך אום אינטער דיר . האט משה זיך אומגיקערט הט ער גיזעהן ווי מען וועגט זיין פלייש אין יאטקע . (ווייל מען הט גערייסען שטיקער פלייש פון רבי עקיבא) . הט משה גזאגט פר גאט דאס איז די תורה אונ דס איז איר שכר . הט גאט גיזאגט צוא משה שווייג איך האב אויך גיטראכט וויא דוא זאגסט נאר אזוי וויא איך טוה אזו דארף זיין :

ח אמר . רב אשי האט גיזאגט איך האב גיזעהן די גוטע שרייבערס פון רב זייא

דה"א חטרי ליה לגגיה דח' כלומר חי הוא ברומו של עולם ותלי ליה לכרעיה דה"א כדבעי מיניה רבי יהודה נשיאה מר' אמי מ"ד (ישעיה כ) בטחו בה' עדי עד כי ביה ה' צור עולמים א"ל כל התולה בטחונו בהקב"ה הוי לו מחסה בעולם הזה ובעולם הבא א"ל אנא הכי קא קשיא לי מאי שנא דכתיב בי"ה ולא כתיב י"ה כדדריש ר' יהודה בר' אלעאי אלו שני עולמים שברא הקב"ה אחד בה"א אחד ביו"ד ואיני יודע אם העה"ז בה"א והעולם הבא ביו"ד או אם העה"ז ביו"ד והעה"ב בה"א כשהוא אומר (בראשית ב) אלה תולדות השמים והארץ בהבראם אל תקרי בהבראם אלא בה"א בראם הוי אומר העוה"ז בה"א והעוה"ב ביו"ד ומפני מה נברא העה"ז בה"א מפני שדומה לאכסדרה שכל הרוצה לצאת יוצא . מ"ט תליא כרעיה דה"א דאי הדר בתשובה מעיילי ליה וליעיילוהו בהך לא מסתייעא מלתא כדרשב"ל דארשב"ל מ"ד (משלי ג) אם ללצים הוא יליץ ולענוים יתן חן בא ליטמא פותחין לו בא ליטהר מסייעין אותו

ברומו של עולם . חי"ת דיימ אי : ותלו לכרעיה של ה"א . רגל הפנימי של ה' תלוי באויר ואין דביק לגגו : הוי ליה מחסה . דהכי משמע פש שבטחו בה' עדי עד הוי להם בי"ה ה' מחסה ומעוז לעולמים : אחד בה"א ואחד ביו"ד . חילק את שמו והטיף מכל אות ג' טפין ומאותן טפין נעשו מים ואש ואויר וכל העולם וכן כתוב בספר יצירה : שדומה לאכסדרה . שפתוח מתחתיו : שכל הרוצה לצאת . ממנו לתרבות רעה יוצא : מעיילין ליה . בפתח העליון בין רגל שבתוכו לגגו : וליעיילוהו בהך. פתח תחתון דנפק ביה : לא מסתייע מלתא : דהבא לטהר בעי סיוע מפני יצר הרע הלכך עבדי ליה סיוע פתח יתירה : הוא יליץ . הקב"ה יליץ אותו כלומר פותח לו להיות לץ : מסייעין אותו .

הָאבְּן גִימַאכְט דֶעם דַאךְ פוּן חֵי"ת אַזוֹי וִויא אַשְׁטֶעקִין אוּנ דִיא לִינְקֶע פוּס פוּן הֵ"א הָאבֶּען זֵייא אוֹיף גִיהָאנְגֶען אִין דֶער לוּפְטֶען ה . פַאר וָואס אִיז דֶער דַאךְ פוּן חֵי"ת וִויא צְוֵוייא שְׁטֶעקִינְס אִין דֶער הֵייךְ וַוייל ח' מַאכְט חַי צוּא ווייזֶען אַז גָאט לֶעבְּט אִין דִי הֵייךְ פוּן דֶער וֶועלְט . פַאר וָואס אֵיינְגְט דִיא פוּס פוּן דִיא ה אִין דֶער לוּפְטֶען . אַזוֹי וִויא רַבִּי יְהוּדָה נְשִׂיאָה הָאט גִיפְרֶעגְט פוּן רַבִּי אַמִי וָואס מֵיינְט דֶער פָּסוּק פַאר זִיכֶערְט אַייךְ אָן גָאט בִּיז אֵייבֶּעג וָוארוּם בְּיָהּ ה' צוּר עוֹלָמִים . גָאט הָאט בַּאשַׁאפֶען בֵּיידֶע וֶועלְטִין ; הָאט רַבִּי אַמִי גִיזָאגְט אַזוֹי מֵיינְט דֶער פָּסוּק דֶער וָואס אֵיינְגְט אָן זַיין פַאר זִיכֶערוּנְג אוֹיף גָאט . וֶועט גָאט זַיין זַיין בֶּעשִׁיצוּנְג אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּנ אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט . הָאט רַבִּי יְהוּדָה גִיזָאגְט צוּא רַבִּי אַמִי מִיךְ הַארְט אַזוֹי אַקְשְׁיָא אוֹיף דֶעם פָּסוּק פַאר וָואס שְׁטֵייט בְּיָהּ אוּנ עֶס שְׁטֵייט נִיט יָהּ . הָאט רַבִּי אַמִי גִיזָאגְט אַזוֹי וִויא רַבִּי יְהוּדָה בְּרַבִּי אִלְעַאי הָאט גִידַרְשְׁ'ט דִיא צְוֵוייא וֶועלְטִין וָואס גָאט הָאט בַּאשַׁאפֶען אֵיינֶע הָאט עֶר בַּאשַׁאפֶען מִיט דִיא הֵ"א אוּנ אֵיינֶע הָאט עֶר בַּאשַׁאפֶען מִיט דִיא יוּד . נָאר אִיךְ ווייס נִיט אוֹיבּ דִיא וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפֶען גִיוָוארֶען מִיט דִיא הֵ"א אוּנ יֶענֶע וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפֶען גִיוָוארֶען מִיט דִיא יוּד ; אָדֶער דִיא וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפֶען גִיוָוארִין מִיט דִיא יוּד אוּנ יֶענֶע וֶועלְט מִיט דִיא הֵ"א . אַז עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אֵלֶה תּוֹלְדוֹת הַשָּׁמַיִם וְהָאָרֶץ בְּהִבָּרְאָם . זָאלְסְט נִיט לֵייעֶנֶען בְּהִבָּרְאָם נָאר זָאלְסְט לֵייעֶנֶען בְּהֵ' בְּרָאָם . פוּן דַאנֶען ווייסֶען מִיר אַז דִיא וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפֶען גִיוָוארֶען מִיט דִיא הֵ"א אוּנ עוֹלָם הַבָּא אִיז בַּאשַׁאפֶן גִיוָוארֶען מִיט דִיא יוּד וָדאס מֵיינְט דֶער פָּסוּק בְּיָהּ מִיט דִיא צְוֵוייא אוֹתִיּוֹת י"ה יוּד הֵ"א . בִּי צוּר עוֹלָמִים . הָאט גָאט בַּאשַׁאפֶען בֵּיידֶע וֶועלְטִין . פַאר וָואס אִיז דִיא וֶועלְט בַּאשַׁאפֶען גִיוָוארֶען מִיט דִיא הֵ"א . וַוייל דִיא וֶועלְט אִיז גְלַייךְ צוּ אַכְסַדְרָה [אַשְׁטוּבּ וָואס אַיין וַואנְט אִיז הָאפֶען] וֶוער עֶס וִויל אַרוֹיס גֵיין מֶעג אַרוֹיס גֵיין . דִיא וֶועלְט אִיז אוֹיךְ אַזוֹי וֶוער עֶס וִויל אַרוֹיס גֵיין אוּנ זַיין אַרָשָׁע לָאזְט מֶען אִים גֵיין אִין זַיין שְׁלֶעכְטִי־קֵייט אוּנ אַהֵ"א אִיז אוֹיךְ דִיא אוּנְטֶערְשְׁטֶע וַואנְט הָאפֶען אַרוֹיס . פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא פַאר וָואס אֵיינְגְט דִיא פוּס פוּן דֶער הֵ"א . אוֹיבּ עֶר וֶועט תְּשׁוּבָה טָאהן וֶועט עֶר צוּרִיק אַרַיין גֵיין דוּרְךְ דִיא זַייט וָואס אִיז הָאפֶען גֶעבִּין בַּאךְ . זָאל עֶר אַרַיין גֵיין צוּרִיק דוּרְךְ דִיא אוּנְטֶערְשְׁטֶע זַייט וָואס עֶר אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען . עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא דִיא אֵיין זַייט אַלֵיין וֶועט נִיט גִינוּג זַיין . וָוארוּם רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן לָקִישׁ הָאט גִיזָאגְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ וְלַעֲנָוִים יִתֶּן חֵן . אוֹיבּ אַמֶענְטְשׁ וִויל זַיין אַרָשָׁע אוּנ עֶר וִויל טָמֵא וֶוערִין . עֶפֶענְט מֶען אִים לָאזְט מֶען

אלמא בעי כיוע : אית ליה תגא לה"א . כתר קטן בסוף גגו : מעשיהן אין דומין וכו' . וכבודו של זה גדול משל זה משום הכי ראשיהן כפופין דמתביישים מחברו :
מצלת על כלן. אפילו טעיות בכל דף ודף או מצלת עליהן כך דף שלמה ומתקן : אי אית בההוא דף שלמה ג' טעיות מאי . מצלה או אין מצלת מי אמרינן שלמה בלא טעות או דילמא שלמה מד' טעיות אבל ג' לא איכפת לן הואיל ואתיהבת רשות להקוני : ס"ת שיש בה ג' טעיות בכל דף מתקן להך דף בת ג' ומצלת על כלם אע"פ שיש ד' בכל שאר הדפין . וה"מ . דאמרינן ד' יגנז : כגון חסרות . שחסרו ממנו אותיות : [אבל יתירות לית

אותו . מ"ט אית ליה תגא אמר הקב"ה אם חוזר בו אני קושר לו כתר . מפני מה נברא העה"ב ביו"ד מפני שצדיקים שבו מועטין. מפני מה כפוף ראשו מפני שצדיקים שבו כפופים ראשיהם מפני מעשיהן שאין דומים זה לזה:

ט אמר רב ס"ת שיש בו שתי טעיות בכל דף ודף יתקן . ג' יגנז. ותניא תיובתיה ג' תקן ד' יגנז. תנא אם יש בו דף אחת שלמה מצלת על כלן . אמר רב יצחק בר שמואל בר מרתא משמיה דרב והוא דכתיב רוביה דספרא שפיר א"ל אביי לרב יוסף אי אית בההוא דף ג' טעיות מאי א"ל הואיל ואתיהב לאיתקוני מתקן וה"מ חסרות אבל יתרות לית לן בה חסרות ס"ט לא

אים ווערין טמא. אונ אויב ער וויל ווערין אצדיק אונ ריין ווערין פון זיינע זינד. העלפט מען אים. וועהען מיר אז תשובה דארף מען אמענטשין העלפען. דריבער דארף מען אים עפענען צווייא זייטען. אזוי וויא דער ה"א איז האפען פון אונטען אונ פון הויבען. פאר וואס איז דא אויף דעם ה"א בייא דער זייט אסטריבעלע אזוי וויא אקרוין. ווייל גאט זאגט אויב דער רשע וועט תשובה טאן וועל איך אים מאכען אקרוין. פאר וואס איז די וועלט באשאפען גיווארען מיט איו"ד. ווייל דארט זענין נאר צדיקים. אונ צדיקים זענין ווייניג; פאר וואס איז דיא קאפ פון איו"ד איין גיבויגען. ווייל דיא צדיקים וואס זענען אויף יענער וועלט האלטען איין גיבויגען זייערע קעפ. ווייל דיא פרומקייט פון דיא צדיקים אויף דער וועלט זענען ניט גיוועזען גלייך איינער צום אנדערען; איז זייער כבוד אויף יענער וועלט אויך ניט גלייך איינער צום אנדערין. שעמט זיך איינער פאר דעם אנדערין דריבער האלטען זייא אראפ גיבויגען זייערע קעפ:

ט אמר רב האט גיזאגט אספר תורה וואס אין איר איז דא צווייא גרייזען אדער אנדערע פעלערם אויף יעדער עמוד. זאל מען דיא פעלערם פאר רעכטען. אונ אויב עס איז דא דריי פעלערם אויף יעדער עמוד. זאל מען די ספר תורה בעהאלטען. אונ מיר האבען גילערונט אקשיא אויף רב דרייא פעלערם זאל מען פאר רעכטען פיר פעלערם זאל מען די ספר תורה בהאלטען. מיר האבען גילערענט אפילו עס איז דא עטלעכע פעלערם אויף יעדער עמוד נאר אויב עס איז דא איין עמוד אגאנצער אן אפעלער. זאל מען דיא ספר תורה פאר ריכטען ניט בעהאלטען. איז דער עמוד מציל די גאנצע ספר תורה. רב יצחק בר שמואל בר מרתא האט גיזאגט פון רבס וועגען דאס איז נאר אז דאס מערסטע טייל פון די ספר תורה איז גוט געשריבען. זאל מען די ספר תורה פאר ריכטען; אביי האט גיזאגט צו רב יוסף אויב אין איין עמוד איז דא דריי פעלערם אונ אין דיא אנדערע עמודים איז דא פיר פעלערם. ווי איז דער דין. איז דער עמוד איז מציל די ספר תורה מען זאל אין גאנצען פאר ריכטען. אדער מען מוז די ספר תורה בעהאלטען. האט רב יוסף גיזאגט ווייל דעם איין עמוד מיט די דריי פעלערם מעג מען פאר ריכטען. מעג מען שוין פאר ריכטען די עמודים מיט דיא פיל פעלערם אויך. אונ ווען זאגען מיר אז עס איז דא פיר פעלערם אין אעמוד זאל מען די ספר תורה בעהאלטען. אז עס פעלען אותיות אין דעם עמוד. אבער אז עס איז דא איבעריגע אותיות. זאל מען דיא אותיות אפ קראצען אונ די ספר תורה איז כשר. פרעגט די גמרא פאר וואס אז עס פעלט פיר אותיות אויף אעמוד איז די ספר תורה פסול. זאל מען צו שרייבען די פיר אותיות. האט רב כהנא גיזאגט ווייל די

לא אמר רב כהנא משום דמיחזי כמנומר :

(דף ל) י תניא (דברים לד) וימת שם משה עבד ה' אפשר משה חי וכתב וימת שם משה אלא עד כאן כתב משה מכאן ואילך כתב יהושע בן נון דברי ר' יהודה ואמרי לה ר' נחמיה א"ל ר' שמעון אפשר ס"ת חסר אות אחת וכתיב (שם לא) לקוח את ספר התורה הזה ושמתם אותו גו' אלא ע"כ הקב"ה אומר ומשה כותב ואומר מכאן ואילך הקב"ה אומר ומשה כותב בדמע כמו שנאמר להלן (ירמיה לו) ויאמר להם ברוך מפיו יקרא אלי את כל הדברים האלה ואני כותב על הספר בדיו :

א בה אלא גורדן : דמיחזי כממנר . כבכותב ומגיה בו הביטין את מה שהיכר} :
אפשר ס"ת חסר. ומשה קורא לו ס"ת לקוח את ספר התורה הזה : הקב"ה אומר . ומשה אומר אחריו כדי שלא יטעה בכתב וכותב : מכאן ואילך משה כותב בדמע . ולא היה אומר אחריו מרוב צערו : כמ"ש להלן מפיו יקרא וגו'. שלא היה אומר אחריו משום דקינות הוו :
על הארץ בשיטה אחרונה . כלומר אין בשיטה אחרונה אלא ב' תיבות הללו : בסוף שיטה . היו מתחילין לשיטה אחרונה : בתחלת שיטה . היו מתחילין לשיטה אחרונה: מ"ד בסוף שיטה. כדי שיהו שמים על הארץ דמשמע כדכתיב כי כגבוה שמים על הארץ כן יאריך ימיכם : ומ"ד בתחלת שיטה. כלו' בעי ארחוקי ארץ משמים דהכי משמע כי היכי דמרחקי שמים מארץ כן יאריכו ימיכם : על יד ימינך . דמזוזה ליד ימין הוא בכניסתו :

(דף ל ע"ב) יא אמר רב חסדא על הארץ בשיטה אחרונה איכא דאמרי בסוף שיטה וא"ד בתחלת שיטה מ"ד בסוף שיטה (תהלים קג) כגבוה שמים על הארץ ומ"ד בתחלת שיטה כי היכי דמרחקי שמים מארץ :

טינב פון גאנצען עמוד איז אלט . אונ די פיר אותיות וועלען זיין בייא . וועט דער עמוד אויס זעהען וויא גיפלעקט :

י תניא . מיר האבען גילערענט עס שטייט אין פסוק משה דער קנעכט פון גאט איז גישטארבען . ווי אזוי קען דאס זיין משה האט גילעבט אונ ער האט געשריבען אויף זיך משה איז גישטארבען . נאר ביז דעם פסוק פון משה'ס שטארבען האט משה געשריבען . אונ פון דעם פסוק אונ ווייטער האט יהושע געשריבען . דער נאך וויא משה איז גישטארבען האט יהושע געשריבען משה איז גישטארבען ביז צום סוף תורה . אזוי זאגט רבי יהודה . אנדערע זאגען אזוי זאגט רבי נחמיה . האט רבי שמעון גיזאגט אויב משה האט ניט געשריבען דיא גאנצע ספר תורה איז דאס מיגליך אין דער ספר תורה זאל פעלען איין אות אונ משה זאל זאגען מען זאל נעמען דיא ספר תורה אונ איר אריין לייגען אין ארון . נאר אזוי איז גיוועזען ביז דעם פסוק וימת שם משה האט גאט גיזאגט יעדער ווארט . אונ משה האט נאך גיזאגט יעדער ווארט אונ האט אים געשריבען . פון וימת שם משה האט גאט גיזאגט יעדער ווארט אונ משה האט ניט נאך גיזאגט נאר ער האט געשריבען מיט טרערען . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ברוך האט צו זיי גיזאגט ירמיה הנביא מיט זיין מויל האט גירייעט צו מיר די אלע רייד אונ איך האב געשריבען אויף א ספר מיט טינט . אונ ברוך האט ניט נאך גירעט יעדער ווארט . ווייל דאס איז גיוועזען קינות . אזוי האט משה אויך ניט נאך גירעט יעדער ווארט פון וימת . שם משה :

יא אמר . רב חסדא זאגט דיא לעצטע שורה פון אמזוזה אונ דיא לעצטע שורה פון דיא פרשה והיה אם שמוע וואס אין תפילין דארף זיין דיא צוויי ווערטער על הארץ . אנדערי זאגען דיא צוויי ווערטער זאלען שטיין אין סוף שורה . אונ אנדערע זאגען דיא צוויי ווערטער זאלען שטיין אין אנהייב שורה . דער וואס זאגט די צוויי ווערטער על הארץ זאל שטיין אין סוף שורה . מען זאל לייענען צו זאמען כימי השמים על הארץ . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק כגבוה השמים על הארץ . שטייען אויך דיא צוויי ווערטער על הארץ נעבין דעם ווארט השמים . אונ דער וואס זאגט אז די צוויי ווערטער על הארץ דארפען שטיין אין אנהייב שורה . אזוי וויא אין אמת איז דאך די הימעל ווייט פון דיא ערד . אזוי אין שרייבען דארף מען אויך דער ווייטערען די הימעל פון די ערד . דריבער דארף שטיין השמים אין סוף שורה אונ על הארץ אין אנהייב די לעצטע שורה :

(דף לג ע"ב) **יב א"ר** חנינא בוא וראה שלא כמדת הקב"ה מדת בשר ודם מדת ב"ו מלך יושב מבפנים ועבדיו משמרים אותו מבחוץ ומדת הקב"ה אינו כן עבדיו יושבין מבפנים והוא משמרן מבחוץ שנאמר (תהלים קכא) ה' שומרך ה' צלך על יד ימינך :

(דף לה ע"ב) (דברים כח) **יב וראו** כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך תניא ר' אליעזר הגדול אומר אלו תפלין של ראש . (שמות לג) והסירותי את כפי וראית את אחורי ופני לא יראו א"ר חנא בר ביזנא א"ר שמעון חסידא מלמד שהראהו הקב"ה למשה קשר של תפלין :

יג אמר ר' יהודה קשר של תפלין צריך שיהא למעלה כדי שיהו ישראל למעלה ולא למטה וצריך שיהא כלפי פנים כדי שיהו ישראל לפנים ולא לאחור :

(דף ע ע"ב) **יד תנו** רבנן ידך זו שמאל אתה אומר שמאל או אינו אלא ימין ת"ל (ישעיה מח) אף ידי יסדה ארץ וימיני טפחה שמים ואומר (שופטים ה) ידה ליתד תשלחנה וימינה להלמות עמלים ואומר (תהלים עד) למה תשיב ידך וימינך מקרב חיקך כלה

פירוש

שם ה' נקרא עליך אלו תפלין של ראש . שכתוב בהן רוב השם שי"ן ודל"ת : קשר של תפילין . מאחורי העורף והקב"ה מניח תפילין כדאמרינן בפ"ק דברכות נשבע ה' בימינו ובזרוע עוזו ואמרינן לעיל דמשום תפילין של ראש יראו האומות כדכתיב ויראו ממך :

למעלה. בגובה הראש ולא למטה בצואר : כלפי פנים. ממול עורף ולא בצדי הראש . נ"א כלפי פנים שיהא הקשר מבפנים והנוי של דל"ת מבחוץ כדאמרן ונוייהן לבר :

די יסדה ארץ וימיני וגו' . מדכתיב ידי וימין ש"מ

יב אָמַר. רַבִּי חֲנִינָא האָט גיזאָגט קום אונ זעה. אַז גאָט איז ניט אַזוֹי ווִי אַמענטש. בּיי מענטשען איז דער שׁטאַרקער דער מֶלֶךְ זיצט אינווייניג אין זיין שטוּב. אונ די קנעכט שטייען אויסווייניג געבּין שטוּב אונ היטען אים. אָבער גאָט פּירט ניט אַזוֹי. זיינע קנעכט זיצען אינווייניג אין די שטוּבען. אונ גאָט איז פון אויסווייניג. אונ היט זייא. אַזוֹי ווִיא עס שטייט אין פּסוּק גאָט איז דיין היטער. גאָט איז דיין שאָטין בּיי דיין רעכטע האַנט. דאָס מיינט מען די מְזוּזָה וואָס איז פון אוים וויינעג בּיי דיא רעכטע זייט ווִי מען גייט אַריין אין שטוּב. אונ זי היט דעם בַּעַל הַבַּיִת :

יג וְרָאוּ. עס שטייט אין פּסוּק אַלע פעלקער פון דער וועלט וועלען זעהען אַז דער נאָמען פון גאָט וועט גירופען ווערען אויף דיר וועלען זיי פאַר דיר מוֹרָא האָבּען. מיר האָבען גילערנט רַבִּי אֱלִיעֶזֶר הַגָּדוֹל זאָגט דָם מיינט מען די פעלקער וועלין זעהין די תְּפִילִין ווָס אויף דיין קאָפּ וועלין זיי מוֹרָא האָבּען פאַר דיר. עס שטייט אין פּסוּק איך וועל אָפּ טאָן מיין האַנט וועסטו זעהן מיין הינטען אונ מיין פָּנִים וועט ניט גיזעהען ווערען. וואָס וועט משה זעהען פון הינטען. האָט רַב חָנָא בַּר בִּיזְנָא גיזאָגט פון רַבִּי שִׁמְעוֹן חֲסִידָאס וועגין דער פּסוּק לערונט אונז אַז גאָט האָט געוויזען צו משה דעם קֶשֶׁר פון תְּפִילִין (ועיין במס' ברכות פ"א) :

יד אָמַר. רַב יְהוּדָה האָט גיזאָגט דער קֶשֶׁר פון תְּפִילִין דאַרף זיין הויבּין אויף דעם קאָפּ. ניט אויף דעם האַלז. פאַר אַסִימָן אַז דיא יוּדען זאָלען זיין הויבין ניט אונטען. אונ דער קֶשֶׁר זאָל זיין געגין פָּנִים. פאַר אַסִימָן אַז דיא יוּדען זאָלען זיין פון פאָרינט ניט פון אינטען :

טו תָּנוּ רַבָּנָן. דיא רַבָּנָן האָבען גילערנט. עס שטייט אין פּסוּק דוּא זאָלסט לייגען תְּפִילִין עַל יָדְךָ. דאָס מיינט מען אויף די לינקע האַנט. פרעגט די גְמָרָא דוּא זאָגסט אויף דיא לינקע האַנט טאָמער מיינט מען אויף דיא רעכטע האַנט. ענטפערט דיא גְמָרָא עס שטייט אין פּסוּק אַף יָדִי יָסְדָה אֶרֶץ וִימִינִי טִפְּחָה שָׁמָיִם. מיין לינקע האַנט האָט געגרינדעט דיא ערד אונ מיין רעכטע האַנט האָט גימאָסטען דעם הימעל. נאָך שטייט אַפּסוּק יָדָהּ לַיָּתֵד תִּשְׁלַחְנָה וִימִינָהּ לְהַלְמוּת עֲמֵלִים. איר לינקע האַנט האָט זיא אוים גיצויגען צום פלאָקען אונ איר רעכטע האַנט האָט זיא אוים גיצויגען צום שווערען האַמער. נאָך שטייט אַפּסוּק לָמָּה תָשִׁיב יָדְךָ וִימִינְךָ מִקֶּרֶב

כלה (דף לז) רבי יוסי החורם אומר מצינו ימין שנקרא יד שנאמר (בראשית מח) וירא יוסף כי ישית אביו יד ימינו ואידך יד ימינו איקרי יד סתמא לא איקרי:

טז בעא מיניה פלימו מרבי מי שיש לו ב׳ ראשים באיזה מהם מניח תפילין א״ל או קום גלי או קבל עליך שמתא אדהכי אתא ההוא גברא א״ל איתיליד לי ינוקא דאית ליה תרי רישי כמה בעינא למיתב לכהן אתא ההוא סבא תנא ליה חייב ליתן עשרה סלעים:

יד׳ ימינו שמאל: רבי יוסי החורם. תוטמו מזוקף כדאמרינן בבכורות הרוס זה שחוטמו מזוקף: או קום גלי. או עמוד ולך בגלות: או קבל עליך שמתא. דאמאי חייבת בי: עשר סלעים. דחד בכור הוא ואית ליה תרי רישי חשיב כתרין א״נ. דיונדת התאומים לא יהיב אלא ה׳ סלעים כדאמרינן בפרק יש בכור לנחלה אע״ג התם הוא משום דא״א לצמצם אבל הכא חד הוא ואפשר לצמצם שילאו כאחד והוו שניהם פטר רחם:
דמכסי סדינא. שלא היה בו ציצית משום כסות לילה: ס״ג א. כעין אותם שלנו שהם עגולים ואין לה אלא ב׳ כנפים מהגהו״ל דפטיר מציצית: (ענשיתו אעשה. הלא אתה מענישים בכ״ד של מעלה על מ״ע גרידא):

התכלת פ״ק רביעי

(דף מא) **א מלאכא** אשכחיה לרב קטינא דמכסי סדינא א״ל קטינא קטינא סדינא בקיטא סרבלא בסיתוא ציצית של תכלת מה תהא עליה א״ל ענשיתו אעשה א״ל אין בעידן ריתחא ענשינן:

(דף מג ע״ב) **ב תניא** (במדבר טו) וראיתם אותו וזכרתם ראה מצוה זו וזכור מצוה אחרת התלויה

חיקך כלה. פאר וואס זאלסטו צוריק קערין דיין ליינקע האנט אונ נעם ארויס דיין רעכטע האנט אין גאנצען פון דיין שויס. זעהען מיר אז יד מיינט מען דיא ליינקע האנט. רבי יוסי החורם זאגט מיר געפינען אז אויף דיא רעכטע האנט זאגט מען אויך יד. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק יוסף האט געזעהען אז דער פאטער האט גיטאן יד ימינו. זיין רעכטע האנט. זעהען מיר אז יד איז דיא רעכטע האנט. אונ דיא רבנן זאגען יד ימינו מיינט מען טאקע זיין ר׳ בטע האנט. אונ יד מיינט מען דיא ליינקע האנט:

טז בעא: פלימו האט גיפרעגט ביי רבי דער וואס האט צוויא קעפ אויף וועלכער קאפ זאל ער לייגען תפילין. האט רבי גיזאגט צוא פלימו אדער דוא זאלסט נעמען אויף זיך צוא גיין אין גלות ופאר טריבען צוא ווערין פון דיין שטאט אונ דוא זאלסט גיין פון שטאט צו שטאט ניט וואהנען אויף איין ארט אדער דוא זאלסט זיין אין חרם. ווייל דוא האסט גילאכט פון מיר. ווארום ווא איז דא אמענטש וואס זאל האבען צווייא קעפ. דער ווייל איז גיקומען אמענטש אונ האט גיזאגט צוא רבי ביי מיר איז גיבארין גיווארען אקינד אבכור אונ ער האט צוויי קעפ ווי פיל דארף איך געבען צום כהן. איז גיקומען אאלטער מאן אונ האט גילערנט אז ער דארף געבען צום כהן צעהן טאלער: ווארום עס איז גלייך וויא צוויי קינדער אונ ביידע זענין בכורים. דארף מען געבען פר דעם פינף טאלער אונ פאר דעם פינף טאלער:

פרק רביעי

א מלאכא. אמלאך האט גיטראפען צוא רב קטינא אז ער איז גיוועז צוא גידעקט מיט אליילאך. אונ אין דעם ליילאך איז ניט גיוועזן קיין ציצית. האט דער מלאך גיזאגט צו רב קטינא. קטינא קטינא זומער גייסטו צוא גידעקט מיט אליילאך אן ציצית. ווינטער גייסטו צוא גידעקט מיט אמאנטעל אן ציצית. מען דארף דאך גיין מיט ציצית פון תכלת. ווען וועסטו גיין אין ציצית. האט רב קטינא גיזאגט צום מלאך איר שטראפט אז מען איז ניט מקיים אמצות עשה: האט דער מלאך גיזאגט ווען עס איז אכעס אויף דער וועלט שטראפט מען אפילו אויף אמצות עשה וואס מען איז ניט מקיים:

ב תניא. מיר האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק איר זאלט אים זעהן וועט איר גידיינקען. זעה דיא מצוה פון ציצית אונ גידיינק נאך אמצוה וואס דא גיהער צו דיא מצוה.

שקולה מצוה זו. מדכתיב את כל מצות ועוד דציצית בגימטריא ת"ר וחמשה קשרים ושמונה חוטין הרי תרי"ג: ראיה. ראיית ציצית מביא לידי זכירת מצות: כתיב הכא וראיתם אותו וכתיב התם ואותו תעבוד. מה להלן שכינה אף כאן שכינה: מה נשתנה תכלת. שייחדו הקב"ה למצוה זו: דומה לים. שנעשה בו נסים לישראל: ורקיע לכסא הכבוד. ומתוך התכלת היושב על כסא מתגלה עליכם רחמים ועוד גאה לישראל שיהא כסאו עליהם שנאמר ותחת רגליו כמעשה לבנת הספיר דהיינו רקיע: וכתיב כמראה אבן ספיר דמות כסא. אגמא רקיע היינו כמחזה כסא הכלת לים דים לרקיע ואבן קא חזיק: קשה עונשו של לבן.

התלויה בה ואיזו זו קריאת שמע דתנן מאימתי קורין את שמע בשחרית משיכיר בין תכלת ללבן תניא אידך וראיתם אותו וזכרתם את כל מצות ה' ראה מצוה זו וזכור מצוה אחרת הסמוכה לה ואיזו זו כלאים דכתיב (דברים כב) לא תלבש שעטנז צמר ופשתים יחדו גדלים תעשה לך. תניא אידך וראיתם אותו וזכרתם את כל מצות ה' שקולה מצוה זו כנגד כל המצות כלן. ותניא אידך וראיתם אותו וזכרתם את כל מצות ה' ועשיתם אותם ראיה מביאה לידי זכירה זכירה מביאה לידי מעשה. רשב"י אומר כל הזריז במצוה זו זוכה ומקבל פני שכינה כתיב הכא וראיתם אותו וכתיב התם (שם ו) את ה' אלהיך תירא ואותו תעבוד. תניא היה ר' מאיר אומר מה נשתנה תכלת מכל מיני צבעונין מפני שהתכלת דומה לים וים דומה לרקיע ורקיע דומה (לספיר וספיר דומה) לכסא הכבוד שנאמר (שמות כד) ותחת רגליו כמעשה לבנת הספיר וכעצם השמים לטהר וכתיב (יחזקאל א) כמראה אבן ספיר דמות כסא. תניא היה ר' מאיר אומר קשה עונשו של לבן מעונשו של התכלת

דאס איז קריאת שמע. ווארום מיר האבען גילערונט וועי מעג מען לייענען קריאת שמע אין דער פריא אז עס איז שוין אזוי ליכטיג אז מען דער קענט ווערכער פאדים פון דיא ציצית איז בלאה אונ וועלכער איז וויים. הייסט שוין ראנג טאג אונ מען מעג שוין לייענעו קריאת שמע. גיהער קריאת שמע צו ציצית. נאך אין אברייתא האבען מיר גילערונט עס שטייט אין פסוק איר זאלט איהם זעהן אונ איר זאלט גידיינקין אלע מצות פון גאט. זעה דיא מצוה אונ גידיינק נאך אמצוה וואס שטייט נאנט נעבין דיא מצוה. דאס איז שעטנז. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זאלסט ניט אן קליידען שעטנז וואל מיט פלאקס צו זאמען. באלד דער נעבין שטייט דוא זאלסט דיר מאכען ציצית אויף דיא פיר עקין פון דיין קלייד. נאך אין אברייתא האבען מיר גילערונט עס שטייט אין פסוק איר זאלט איהם זעהן אונ איר זאלט גידיינקען אלע מצות פון גאט. דיא מצוה ציצית איז גיוואוגין געגין אלע מצות פון דיא תורה. נאך אין אברייתא האבען מיר גילערונט עס שטייט אין פסוק איר זאלט איהם זעהן אונ איר זאלט גידיינקען אלע מצות פון גאט אונ איר זאלט זייא טאהן. דאס זעהן דיא ציצית ברייננט צום גידיינקען די מצות אונ דאס גידיינקען ברייננט צום טאהן דיא מצות. רבי שמעון בן יוחאי זאגט דער וואס איז געהיט אין דיא מצוה ציצית. איז ער זוכה צוא זעהן דיא שכינה. ווארום דא ביי ציצית שטייט איר זאלט איהם זעהן. אונ דארט שטייט דו זאלסט מורא האבען פאר דיין גאט אונ אים זאלסטו דינען. אזוי וויא דארט מיינט מען איהם גאט. דוא זאלסט דינען גאט. אזוי דא ביי ציצית אים וועט איר זעהן. מיינט מען אויך איהם גאט. ער וועט זוכה זיין צו זעהן די שכינה:

מיר האבען גילערונט רבי מאיר זאגט פאר וואס האט גאט גיהייסען מען זאל פארבען דיא ציצית מיט דיא פארב תכלת (בלאה). אונ ניט מיט איין אנדער פארב ווייל דיא פארב תכלת איז גלייך צום קאלאר פון ים. אונ דער קאלאר פון ים איז גלייך צום קאלאר פון הימעל. אונ דער קאלאר פון הימעל איז גלייך צום קאלאר פון כסא הכבוד. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אונטער זיינע פים איז אזוי וויא דיא ווייסקייט פון דעם בריליאנט וואס הייסט ספיר. אונ אזוי וויא דיא קלארקייט פון הימעל. זעהן מיר אז דיא קלארקייט פון הימעל איז אזוי וויא דיא קלארקייט פון בריליאנט ספיר. אונ עס שטייט אין פסוק דער קאלאר פון כסא הכבוד איז אזוי וויא דער קאלאר פון בריליאנט ספיר. זעהן מיר אז אלע דריי דער ספיר אונ דער הימעל אונ דער כסא הכבוד האבען איין קאלאר. מיר האבען גילערונט רבי מאיר

של תכלת משל למלך בשר ודם שאמר לשני עבדיו לאחד אומר לו הבא לי חותם של טיט ולאחד אומר הבא לי חותם של זהב ופשעו שניהם ולא הביאו איזה עונשו מרובה זה שאמר לו הבא לי של טיט ולא הביא:

ג תנו רבנן חביבין ישראל שסבבן הקב"ה במצות תפלין בראשיהן תפלין בזרועותיהן ציצית בבגדיהם מזוזה בפתחיהן ועליהם אמר דוד (תהלים קיט) שבע ביום הללתיך על משפטי צדקך ובשעה שנכנס דוד למרחץ וראה שעמד ערום אמר אוי לי שאעמוד ערום בלא מצות כיון שנזכר במילה שבבשרו נתיישבה דעתו לאחר שיצא אמר עליה שירה שנאמר (שם יב) למנצח על השמינית מזמור לדוד על המילה שנתנה בשמינית. ר' אליעזר בן יעקב אומר כל שיש לו תפלין בראשו ותפלין בזרועו וציצית בבגדו ומזוזה בפתחו הכל בחזוק שלא יחטא שנאמר (קהלת ד) והחוט המשלש לא במהרה ינתק ואומר (תהלים לד) חונה מלאך ה' סביב ליראיו ויחלצם:

ד היה ר' מאיר אומר חייב אדם לברך מאה ברכות בכל יום שנא' (דברים י) ועתה ישראל מה

ממי שאינו מטיל ציצית מתכלת: חותם. כיו שעושין לבהמה או לעבד כשקונין אותן לשם סימן עבדות: זה שאמר לו המלך הבא חותם של טיט ולא הביא. עונשו מרובה שמצוי הוא: שבע ביום. תפילין שבראש ובזרוע הרי כאן שתים ולארבע ציציות ומזוזה הרי שבע: הכל בחזוק. הכל וכל עומד בחזקת שלא יחטא: כמשולש. בתפילין וציצית ומזוזות: סביב ליראיו. כשעושים מצות ויחלצם מחטא:

האט געזאגט דער וואס האט ניט דיא ווייסע פעדים ציצית. האט ער אגרעסערין שטראף פון דעם וואס האט ניט דיא פעדים תכלת. דאס איז גלייך צו אמשל וואס ער האט געזאגט צו זיינע צוויא קנעכט. צו איינעם האט ער געזאגט ברייננ מיר אחתימה פון ליים צו ווייזען אז דו ביסט מיין קנעכט. צום אנדערין האט ער געזאגט ברייננ מיר אחתימה פון גאלד צוא ווייזען אז דוא ביסט מיין קנעכט. אונ זייא האבען ביידע ניט גיבריינגט זייערע התימות. וועלכער קנעכט האט אגרעסערע שטראף. געוויס דער קנעכט וואס מען האט איהם גיהייסען ברייננען אחתימה פון ליים. אונ ער האט ניט גיבריינגט. ווארום ליים בעקומט מען וויא פיל מען וויל. אבער גאלד איז שווער צו בעקומען. קען זיין דריבער האט ער ניט גיבריינגט דיא גאלדענע חתימה. ביי ציצית איז אויך אזוי. ווייסע פעדים בעקומט מען וויא פיל מען וויל. אונ עס איז וואהלוויל. אונ תכלת איז טייער. דריבער אז ער מאכט ניט דיא ווייסע פעדים ציצית איז אגרעסערע עבירה וויא אז ער מאכט ניט די תכלת:

ג תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט דיא יודען זענען געליבט ביי גאט: ווארום גאט האט זייא ארומגערינגעלט מיט מצות. תפילין אויף זייערע קעפ. אונ תפילין אויף זייערע הענט. ציצית אויף זייערע קליידער. מזוזות אויף זייערע טירען. אויף זייא האט דוד געזאגט זיבען מאל אין טאג לויב איך דיך אויף דיינע פרומע משפטים (צוויא תפלין פיר ציצית איין מזוזה. איז זיבען). אונ ווען דוד המלך איז אריין גיגאנגען אין באד אונ ער האט גיזעהן ער שטייט נאקעט. האט ער געזאגט וויי צו מיר איך שטיי נאקעט אן מצות. וויא ער הט זיך דער מאנט אין דיא מצוה פון מילה. אז ער איז גימלת. איז ער רוהיג געווארען. דער נאך ווי דוד איז ארוים גיגאנגען פון באד האט ער געזאגט שירה אויף דיא מצוה פון מילה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק למנצח על השמינית מזמור לדוד. דוד האט גיזונגען אויף דער מצוה פון מילה וואס זיא איז גיגעבען געווארען דעם אכטען טאג. רבי אליעזר בן יעקב זאגט דער יוד וואס האט תפלין אויף זיין קאפ. אונ תפלין אויף זיין האנט. אונ ציצית אויף זיין קלייד: אונ אמזוזה אויף זיין טיר. דער מענטש דארף זיין שטארק ביי זיך אז ער וועט ניט זינדיגען. אזוי וויא עס שטייט דער פאדים וואס איז גיפלאכטען אין דרייען וועט גיט געשווינט צעריסען ווערין. נאך זאגט דער פסוק עס רוהט אמלאך פון גאט ארום דיא מענטשין וואס האבען מורא פאר גאט. אונ ער היט זייא פון עבירות זיי זאלין ניט זינדיגען:

ד היה. רבי מאיר האט געזאגט איטליכער מוז זאגען הונדערט ברכות אלע טאג. אזוי וויא

מה ה' אלהיך שואל מעמך . רב חייא בריה דרב אויא בשבתא וביומא טבא טרח וממלא להו באספרמקי ומגדי :

ה תניא היה ר"מ אומר חייב אדם לברך שלש ברכות בכל יום ואלו הן שלא עשני גוי שלא עשני אשה שלא עשני בור . רב אחא בר יעקב שמעיה לבריה דהוה מברך שלא עשני בור א"ל כולי האי נמי א"ל ואלא מאי מברך שלא עשני עבד היינו אשה עבד (דף מד) זיל טפי :

ו תנו רבנן חלזון זה גופו דומה לים ובריתו דומה לדג ועולה אחד לשבעים שנה ובדמו צובעין תכלת לפיכך דמיו יקרים :

ז תניא א"ר נתן אין לך כל מצוה קלה שבתורה שאין מתן שכרה בעולם הזה ובעולם הבא אבל איני יודע כמה צא ולמד ממצות ציצית . מעשה באדם אחד שהיה

מה ה' אלהיך וגו'. קרי ביה מאה : בשבתות וי"ט. דלא מצלי י"ח ברכות : טרח וממלא להו . למאה ברכות : באספרמקי ומגדי . באספרמקי בשמים ומגדי מיני מגדים שטעונין ברכה : כולי האי נמי . דמשבחת נפשך דאיך עם הארץ נ"א כיני האי נמי בשלמא נכרי ואשה הואיל ואינה בני מצוה ניהו שפיר מברכת אלא בור בר מצוה הוא : אלא מאי מברך . להשלים ג' ברכות דר"מ : היינו אשה . דאשה נמי שפחה לבעלה כעבד לרבו . נ"א היינו אשה דלענין מצוה אשה ועבד שוין דגמרינן לה לה : זיל טפי . אפ"ה מזולזל כעבד יותר מן האשה . נ"א זיל טפי כלומר זיל והוסיף וברך שלא עשני עבד כדי להשלים : גופו . מראה גופו תכנית דיוקנו : ועולה . מן הארץ : לפיכך . שאינו עולה אלא אחד לשבעים שנה דמיהן יקרין :

עס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה' אֱלֹהֶיךָ שׁוֹאֵל מֵעִמָּךְ . גָאט פַאר לַאנְגְט פוּן דֶעם יוּדֶען מַה . זָאלְסְט גִיט לֵייעֶנֶען מַה נָאר מֵאָה . הוּנְדֶערְט בְּרָכוֹת אַלֶע טָאג . אוּנ וַוייל שַׁבָּת אוּנ יוֹם טוֹב אִיז דָא וֶוייִנִיגֶער בְּרָכוֹת . וָוארוּם אִין דִיא וָואכֶעדִיגֶע טֶעג אִיז דָא שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה . אַכטְצֶעהן בְּרָכוֹת . אוּנ שַׁבָּת אוּנ יוֹם טוֹב אִיז נָאר דָא זִיבֶּען בְּרָכוֹת . פְלֶעגְט רַב חִיָּיא דֶער זוּהן פוּן רַב אוִֹיָא דֶער פִּילֶען דִיא בְּרָכוֹת שַׁבָּת אוּנ יוֹם טוֹב מִיט בְּשָׂמִים וָואס עֶר פְלֶעגְט שְׁמֶעקִין אוּנ מַאכֶען אַבְּרָכָה אוֹיף יֶעדֶער מִין בְּשָׂמִים בַּזוּנְדֶער . אוּנ עֶר פְלֶעגְט עֶסִין זִיסֶע שְׁפַּייזֶען אוּנ פְלֶעגְט מַאכֶען אַבְּרָכָה אוֹיף יֶעדֶער מִין שְׁפַּייז בַּזוּנְדֶער . עֶס זָאל זַיין הוּנְדֶערְט בְּרָכוֹת :

ה תַּנְיָא . מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט רַבִּי מֵאִיר הָאט גְזָאגְט אַיוד מוּז זָאגֶען דְרַייא בְּרָכוֹת אַלֶע טָאג . דָאס זֶענֶען דִיא דְרַיי בְּרָכוֹת . שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי . שֶׁלֹּא עָשַׂנִי אִשָּׁה . שֶׁלֹּא עָשַׂנִי בּוּר וַאפְּרָאסְטֶער מֶענְטְשׁ וָואס קֶען נִיט לֶערְנֶען הֵייסְט בּוּר . רַב אַחָא בַּר יַעֲקֹב הָאט גִיהֶערְט וִויא זַיין זוּהן זָאגְט אַבְּרָכָה שֶׁלֹּא עָשַׂנִי בּוּר . הָאט רַב אַחָא גְזָאגְט צוּם זוּהן דִיא בְּרָכָה וָואס דוּא בִּיסְט נִיט אַגוֹי אוּנ נִיט אַאִשָּׁה אִיז רֶעכְט : וַוייל זֵייא דַארְפֶען נִיט טָאהן מִצְוֹת . אוּנ דוּא דַארְפְסְט יָא טָאהן מִצְוֹת . אָבֶּער דֶער בּוּר אִיז דָאךְ גְלַייךְ מִיט אוּנְז . דֶער בּוּר דַארְף אוֹיךְ טָאהן אַלֶע מִצְוֹת וָואס מִיר טוּהֶען . הָאט דֶער זוּהן גְזָאגְט נָאר וִויא דֶען זָאל אִיךְ זָאגֶען . הָט רַב אַחָא גְזָאגְט דוּא זָאלְסְט זָאגֶען שֶׁלֹּא עָשַׂנִי עֶבֶד . דוּא זָאלְסְט לוֹיבֶּען גָאט וָואס עֶר הָאט דִיךְ נִיט גִימַאכְט פַאר אַגוֹיִשֶׁען קְנֶעכְט . הָאט דֶער זוּהן גְזָאגְט אַאִשָּׁה מִיט אַגוֹיִשֶׁען קְנֶעכְט זֶענֶען דָאךְ בֵּיידֶע גְלַייךְ צוּ אַלֶע דִינִים . אַז אִיךְ זָאג שֶׁלֹּא עָשַׂנִי אִשָּׁה צוּ וָואס דַארְף אִיךְ זָאגֶען שֶׁלֹּא עָשַׂנִי עֶבֶד . הָאט רַב אַחָא גְזָאגְט פוּן דֶעסְטְוֶועגִין זָאלְסְטוּ זָאגֶען שֶׁלֹּא עָשַׂנִי עֶבֶד אוֹיךְ . וַוארוּם אַקְנֶעכְט אִיז פְּרָאסְטֶער וִויא אַאִשָּׁה :

ו תָּנוּ רַבָּנָן . דִיא רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערְנְט דֶער וָוארֶעם חִלָּזוֹן דֶער קָאלָאר זַיינֶער זֶעהְט אוֹיס וִויא דֶער יַם . אוּנ עֶר אִיז גֶעמַאכְט אַזוֹי וִויא אַפִישׁ . אוּנ עֶר גֵייט אַרוֹיס פוּן דִיא עֶרְד אֵיין מָאהל אִין זִיבֶּעצִיג יָאהר . אוּנ מִיט זַיין בְּלוּט פַארְבְּט מֶען תְּכֵלֶת . אוּנ וַוייל עֶר קוּמְט נָאר אֵיין מָאהל אִין זִיבֶּעצִיג יָאהר . דְרִיבֶּער אִיז דִי פַארְבּ תְּכֵלֶת טַייעֶר :

ז תַּנְיָא . מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט רַבִּי נָתָן זָאגְט אֲפִילוּ פַאר דִיא גְרִינְגְסְטֶע מִצְוָה וָואס שְׁטֵייט אִין דִיא תּוֹרָה . הָאט מֶען שָׂכָר אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּנ אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט . נָאר אִיךְ וֵויים נִיט וִויא פִיל שָׂכָר . אָבֶּער מֶען קֶען דָאס אָפּ לֶערְנֶען פוּן דִיא מִצְוָה צִיצִית . עֶס הָאט אַמָאהל גִיטְרָאפֶען אַמֶענְטְשׁ אִיז גִיוֶועְן אָפּ גֶעהִיט צוּ מְקַיֵּים זַיין דִיא מִצְוָה צִיצִית . אוּנ עֶר הָאט גִיהֶערְט

שריה זהיר במצות ציצית שמע שיש זונה אחת בכרכי הים שנוטלת ת' זהובים בשכרה שגר לה ת' זהובים וקבעה לו זמן כשהגיע זמנו הלך וישב על פתח ביתה נכנסה שפחתה ואמרה לה אותו אדם ששגר ליך ארבע מאות זהובים בא וישב על הפתח אמרה לה יכנס נכנס הציעה לו שבע מטות שש של כסף ועליונה של זהב ובין כל אחד ואחד סולם של כסף ועליונה של זהב ועלתה וישבה ע"ג העליונה ערומה ואף הוא עלה לישב ערום כנגדה באו ד' ציציותיו וטפחו לו על פניו נשמט וישב על גבי קרקע ואף היא נשמטה וישבה על גבי קרקע אמרה לו גפה של רומי שאין אני מניחתך עד שתאמר לי מה מום ראית בי אמר לה העבודה שלא ראיתי אשה יפה כמותך אלא מצוה אחת צוה אלהינו וציצית שמה וכתיב בה (במדבר טו) אני ה' אלהכם ב' פעמים אני הוא שעתיד ליפרע ואני הוא שעתיד ליתן שכר ועכשיו נדמו עלי כארבעה עדים אמרה לו העבודה איני מניחתך עד שתאמר לי מה שמך ומה שם עירך ומה שם רבך ומה שם בית מדרשך שאתה לומד בו תורה כתב ונתן בידה עמדה וחלקה כל נכסיה שליש

ציצית מאזוב קלה . עשה בעלמה : גפה של רומי . (גופה של רומי) נשבעה בחיי המלך שהוא שרה של רומי . ליבנא אהרינא ע"ז : כפס ק אהרון . של פרשת ציצית כתיב שני פעמים אני ה' אלהיכם אחד בראשו ואחד בסופו : פלים למלכות .

אַז אִין אַ וַויטֶע שְׁטָאט אוֹיף דֶעם יַם אִיז דָא אַ זוֹנָה וָואס זִיא נֶעמְט פִיר הוּנְדֶערְט גִילְדֶען פַאר אֵיין מָאהל מְזַנֶה זַיין: הָאט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעשִׁיקְט צוּ אִיר פִיר הוּנְדֶערְט גִילְדֶען . אוּנ זִיא הָאט אוֹיס גִיזֶעצְט אַ צַייט וֶוען עֶר זָאל קוּמֶען צוּ אִיר . וְוִיא עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִיא צַייט אִיז עֶר גַיגַאנְגֶען אוּנ הָט זִיךְ גִיזֶעצְט נֶעבִּין דִיא טִיר פוּן אִיר שְׁטוּבּ: אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען דִיא דִינְסְט צוּ אִיר אוּנ הָט גִזָאגְט דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעשִׁיקְט צוּ דִיר פִיר הוּנְדֶערְט גִילְדֶען אִיז גֶעקוּמֶען אוּנ עֶר זִיצְט נֶעבִּין דִי טִיר . הָאט דִיא זוֹנָה גְזָאגְט עֶר זָאל אַרַיין גֵיין: אִיז עֶר אַרַיין גִיגַאנְגֶען . הָאט זִיא אוֹיף גִיבֶּעט זִיבֶּען בֶּעטִין: זֶעקְס בֶּעטִין פוּן זִילְבֶּער אֵיין בֶּעט אִיז גִיוֶוען הֶעכֶער וְוִיא דִיא אַנְדֶערֶע . אוּנ דִיא אוֹבֶּערְשְׁטֶע בֶּעט אִיז גִיוֶוען פוּן גָאלְד . אוּנ פוּן אֵיין בֶּעט צוּ דִיא אַנְדֶערֶע אִיז מֶען אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען אוֹיף אַ זִילְבֶּערְנֶעם לֵייטֶער . אוּנ פוּן דִיא זֶעקְסְטֶע בֶּעט צוּ דִיא זִיבֶּעטֶע אִיז מֶען אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען אוֹיף אַ גָאלְדֶענֶעם לֵייטֶער . אוּנ דִיא זוֹנָה אִיז אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען בִּיז אוֹיף דִיא זִיבֶּעטֶע בֶּעט אוּנ הָאט זִיךְ גִיזֶעצְט נַאקֶעט . אוּנ עֶר אִיז אוֹיךְ אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען אוֹיף דִיא זִיבֶּעטֶע בֶּעט אוּנ הָאט גִיוָואלְט זִיךְ זֶעצִין נַאקֶעט גֶעגִין אִיר . זֶענֶען גִיקוּמֶען זַיינֶע פִיר צִיצִית אוּנ הָאבֶּען אִים אַ שְׁמַיץ גִיטָאהן אוֹיף זַיין פָּנִים . אִיז עֶר אַרָאפּ גִיגַאנְגֶען פוּן אַלֶע זִיבֶּען בֶּעטִין אוּנ הָאט זִיךְ גִיזֶעצְט אוֹיף דִיא עֶרְד . אִיז זִיא אוֹיךְ אַרָאפּ גִיגַאנְגֶען פוּן אַלֶע זִיבֶּען בֶּעטִין אוּנ הָאט זִיךְ גִיזֶעצְט אוֹיף דִיא עֶרְד . הָאט זִיא גְזָאגְט צוּ אִיהם אִיךְ שְׁוֶוער בַּיי דֶעם קֵיסַר פוּן רוֹים אַז אִיךְ וֶועל דִיךְ נִיט אַוֶועק לָאזִין בִּיז דוּא וֶועסְט מִיר זָאגֶען וָואס פַאר אַ פֶּעלֶער דוּא הָאסְט בַּיי מִיר גִיזֶעהן . הָאט עֶר גְזָאגְט צוּ אִיר אִיךְ שְׁוֶוער אַז אַזוֹי אַ שֵׁיינֶע וְוִיא דוּ בִּיסְט הָאבּ אִיךְ נָאךְ נִיט גִיזֶעהן . נָאר אוּנְזֶער גָאט הָאט אוּנְז גִיבָּאטֶען אֵיין מִצְוָה . אוּנ זִיא הֵייסְט צִיצִית . אוּנ נֶעבִּין אִיר שְׁטֵייט צְווַייא מָאהל אֲנִי הי אֱלֹהֵיכֶם . אִיךְ בִּין אַייעֶר גָאט . אִיךְ וֶועל שְׁטְרָאפֶען דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס וֶועט דִיא מִצְוָה נִיט מְקַיֵים זַיין . אוּנ אִיךְ וֶועל בַּצָאהלֶען אַגוּטֶען לוֹין דֶעם וָואס וֶועט דִיא מִצְוָה יָא מְקַיֵים זַיין . אוּנ אִיצְט הָאבֶּען מִיר אוֹיס גִיזֶעהן דִיא פִיר צִיצִית אַזוֹי וְוִיא פִיר עֵדוּת וָואס וִוילֶען עֵדוּת זָאגֶען אוֹיף דִיא עֲבֵירָה וָואס אִיךְ וִויל טָאהן: הָאט דִי זוֹנָה גְזָאגְט צוּ אִיהם אִיךְ שְׁוֶוער אַז אִיךְ וֶועל דִיךְ נִיט אַוֶועק לָאזִין בִּיז דוּא וֶועסְט מִיר זָאגֶען דַיין נָאמֶען . אוּנ דֶעם נָאמֶען פוּן דַיין שְׁטָאט . אוּנ דֶעם נָאמֶען פוּן דַיין רֶבִּי . אוּנ דֶעם נָאמֶען פוּן דַיין בֵּית הַמֶדְרָשׁ וָואס דוּא לֶערוּנְסְט אִין אִיהם תּוֹרָה . הָאט עֶר אַלְץ אוֹיף גֶעשְׁרִיבֶּען אוּנ הָאט אִיר גִיגֶעבִּין . אִיז זִיא אוֹיף גִישְׁטַאנֶען אוּנ הָאט צוּ טֵיילְט אִיהר גַאנְצֶען פַאר מֶעגִין . אַ דְרִיטוּל הָט זִיא גִיגֶעבִּין צוּם מֶלֶךְ מֶען זָאל אִיר לָאזֶען מְגַיֵיר זַיין . אַ דְרִיטוּל הָט זִי גִיגֶעבִּין צוּ אָרֶעמֶע לַייט . אוּנ אַ דְרִיטוּל הָאט זִיא גֶענוּמֶען מִיט זִיךְ . נָאר דִיא בֶּעטִין וָואס זִיא הָאט אוֹיף גִיבֶּעט וֶוען זִי הָט גִיוָואלְט

שליש למלכות ושליש לעניים ושליש נטלה בידה חוץ מאותן מצעות ובאת לבית מדרשו של רבי חייא אמרה לו רבי צוה עלי ויעשוני עברית אמר לה בתי שמא עיניך נתת באחד מן התלמידים הוציאה הכתב מידה ונתנה לו אמר לה לכי זכי במקחך. אותן מצעות שהציעה לו באיסור הציעה לו בהיתר זה מתן שכרו בעוה"ז ולעה"ב איני יודע כמה:

ח אמר רב ששת כל מי שאינו מניח תפלין עובר בשמונה עשה כל שאינו עושה לו ציצית בבגדו עובר בחמשה עשה כל כהן שאינו עולה לדוכן עובר בשלשה עשה כל שאין לו מזוזה בפתחו עובר בשני עשה וכתבתם וכתבתם. אר"ל כל המניח תפלין מאריך ימים שנאמר (ישעיה לח) ה' עליהם יחיו ולכל בהן חיי רוחי ותחלימני והחייני:

(דף מה) (יחזקאל מה) כה אמר ה' אלהים בראשון באחד לחדש תקח פר בן בקר תמים וחטאת את המקדש חטאת עולה היא אמר רבי יוחנן

פירוש: שיניחנה להתגייר: אותן מצעות. לא מכרה והביאתן עמה והוא היה מתן שכרו בעוה"ז: הוציאה הכתב מידה. וסיפרה לו כל המאורע שלשם שמים היא מתגיירת לפי שראתה נס גדול של אותה מצוה שטפחו לו ד' ציציות על פניו: בשמונה עשה. ד' פרשיות יש בהן ואכל חדא קיימי תרי עשה וקשרתם לאות והיו לטוטפות. ל"א בוהיה כי יביאך כתיב והיה כי יביאך לאות וגו' ושמרת את החקה וגו' ובסוף הפרשה כתיב והיה לאות. ובק"ש וקשרתם לאות והיו לטוטפות וכן והיה אם שמוע תרין הרי ז' ושמתם את דברי אלה דדרשינן בפ' הקומץ דבתפילין קא משתעי שתהא שימה כנגד הלב הרי ח': בציצית חמשה. ועשו ונתנו והיה וראיתם גדלים תעשה לך: ה' עליהם. אותם שמניחים עליהם שם ה' בתפילין יחיו: חטאת. בתמיה אמאי כתיב חטאת דמשמע חטאת הא עולה הוו פרים דר"ח כדכתיב

מיט איהם מזנה זיין. האט זיא ניט פאר קויפט. נאר זיא האט זייא מיט גענומען. אונ זיא איז געקומען אין דעם בית המדרש פון רבי חייא אונ זיא האט גזאגט צו רבי חייא רבי דוא זאלסט געבעטען מען זאל מיך מגייר זיין אונ מיך מאכען פאר אידיש קינד. האט רבי חייא צו איר גזאגט מיין טאכטער טאמער איז דיר גיפעלין איינער פון מיינע תלמידים דריבער ווילסטו דיך מגייר זיין דוא זאלסט מיט איהם חתונה האבען. האט זיא ארויס גענומען אירע געשריבענע נעמען אונ האט גיגעבען צו רבי חייא אונ האט איהם דער ציילט אלץ וואס איר האט גיטראפען מיט דעם תלמיד אונ זיא וויל זיך מגייר זיין פון גאטס וועגין. האט רבי חייא גזאגט צו איר גייא זיי זוכה וואס דוא האסט גיקויפט. האב חתונה מיט דיין מאן: די בעטין וואס זיא האט אויף גיבעט פריער צו דער עבירה. האט זיא איצט אויף גיבעט צוא דער חתונה: דאס איז דער שכר אויף דער וועלט. אויף עולם הבא וואס דער שכר וועט זיין ווייס איך ניט:

ח אמר. רב ששת האט גזאגט דער וואס לייגט ניט קיין תפלין איז ער עובר אויף אכט מצות עשה. ווארום אכט מאהל האט גאט גיבאטען מען זאל לייגען תפלין. אונ דער וואס מאכט ניט ציצית אין זיין קלייד איז ער עובר אויף פינף מצות עשה. ווארום פינף מאל האט גאט גיבאטען מען זאל מאכען ציצית. דער כהן וואס גייט ניט דוכנן איז ער עובר אויף דריי מצות עשה. ווארום דריי מאהל האט גאט גיבאטען דער כהן זאל דוכנן: דער וואס האט ניט אמזוזה ביי זיין טיר איז ער עובר אויף צוויי מצות עשה. ווארום צוויי מאהל האט גאט גיבאטען מען זאל מאכען אמזוזה בייא דיא טיהר. ריש לקיש זאגט דער וואס לייגט תפלין וועט ער לאנג לעבין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ה' עליהם. דיא וואס טראגען אויף זיך דעם נאמען פון גאט: דאס זענען דיא תפלין. וועט ער לעבין. אונ די אלע מענטשין וואס אין זייא לעבט דער גייסט פון גאט וועט איהם גאט געזונד מאכען אונ ער וועט לעבין:

ט כה. עס שטייט אין פסוק אזוי האט גזאגט גאט דעם ערשטין חודש. ודאס איז דער חודש ניסן דעם ערשטין טאג אין חודש זאלסטו נעמען איונגען אקס אגאנצען וואס האט ניט קיין פעלער וחטאת את המקדש: דוא זאלסט בריינגען אחטאת אין בית המקדש. פרעגט דיא גמרא דער קרבן בארף זיין אחטאת. ער דארף דאך גאר זיין אעולה. האט רבי יוחנן

יוחנן פרשה זו אליהו עתיד לדרשה רב אשי אמר (אני אפרשנה) מלואים הקריבו בימי עזרא כדרך שהקריבו בימי משה. תניא נמי הכי רבי יהודה אומר פרשה זו אליהו עתיד לדרשה א"ל ר' יוסי מלואים הקריבו בימי עזרא כדרך שהקריבו בימי משה א"ל תנוח דעתך שהנחת דעתי: (שם מד) כל נבלה וטרפה מן העוף ומן הבהמה לא יאכלו הכהנים כהנים הוא דלא יאכלו הא ישראל יאכלו א"ר יוחנן פרשה זו אליהו עתיד לדרשה דבינא אמר כהנים איצטריך ליה סד"א הואיל ואשתריא מליקה לגבייהו תשרי נמי נבלה וטרפה קמ"ל. (שם מה) וכן תעשה בשבעה בחדש מאיש שוגה ומפתי וכפרתם את הבית. שבעה א"ר יוחנן אלו שבעה שבטים שחטאו ואע"פ שאינה רובה של קהל. חדש אם הדשו ואמרו חלב מותר. מאיש שוגה ומפתי טלמד שאין חייבים אלא על העלם

וכראשי חדשיכם תקריבו עולה וגו': פרשה זו ביחזקאל: אליהו עתיד לדרשה. דעד שיבא אליהו ויפרשנה לנו אין אנו יודעים לפרשה: רב אשי אמר אני אפרשנו מלואים הקריבו וכו'. וכך נבואת יחזקאל על בית שני נתנבאו והקריבו מלואים וכי היכי דמלואים דמשה בשמיני דידהו הוה ר"ח כדאמרינן במסכת שבת בראשון באחד לחדש ותנא אותו היום נטל עשר עטרות וכו' והקריב עגל בן בקר לחטאת כ"ג הקריב פר בר"ח: אלו ז' שבטים. והכי משמע וכן תעשה כי היכי דכתיב לעיל מיניה תקח פר בן בקר כן תעשה בשבעה שבטים פר העלם דבר אם הדשו בזה הוראה אימר ואמרו חלב מותר: מאיש שוגה. ששגגו על פיהן ואכלו חלב בשוגג מביאין פר: ואע"פ. שאין בשבעה שבטים הללו רובן של ישראל והיכא

גזאגט דיא פרשה וועט אליהו הנביא דרשנן. אבער מיר וייסען זיא ניט צו דרשנן. רב אשי זאגט איך וועל זיא דרשנן. ווען יודען האבען אויף געבאהט דעם אנדערין בית המקדש אין דיא צייט פון עזרא האבען זייא אויך מקריב געוועזען מלואים אזוי וויא זייא האבען מקריב געוועזען מלואים אין דיא צייט פון משה. אונ אזוי וויא ביי משה איז געוועזען דער אכטער טאג פון מלואים ראש חודש ניסן. אזוי ביי עזרא איז אויך געוועזען דער אכטער טאג פון מלואים ראש חודש ניסן. אונ אום ראש חודש דארף מען דאך מקריב זיין א חטאת. אונ דיא נביאות פון דעם נביא יחזקאל איז געוועזען אויף דיא מלואים פון עזראס צייט. מיר האבען אויך אזוי געלערנט רבי יהודה זאגט דיא פרשה וועט אליהו הנביא דרשנן. אבער מיר ווייסען זיא ניט צו דרשנן. רבי יוסי זאגט ווען יודען האבען אויף געבאהט דעם אנדערין בית המקדש אין דיא צייט פון עזרא האבען זייא אויך מקריב געוועזען מלואים אזוי וויא זייא האבען מקריב געוועזען מלואים אין דיא צייט פון משה. אונ אזוי וויא ביי משה איז געוועזען דער אכטער טאג פון מלואים ראש חודש ניסן. אזוי ביי עזרא איז אויך געוועזען דער אכטער טאג פון מלואים ראש חודש ניסן. אונ אום ראש חודש דארף מען דאך מקריב זיין א חטאת. האט רבי יהודה גזאגט צו רבי יוסי זאל זיין דיין פאר שטאנד רוהיג וויל דו האסט מיין פאר שטאנד בערוהיגט. עס שטייט אין פסוק אלע נבלות. אונ טרפות פון עופות אונ פון בהמות זאלען ניט עסין דיא כהנים. דיא כהנים זאלען ניט עסין אבער ישראלים מעגין עסין נבלות אונ טרפות. האט רבי יוחנן גזאגט דיא פרשה וועט אליהו דרשנן. אבער מיר ווייסען ניט זיא צו דרשנן. רבינא זאגט מיר ווייסען אויך צו דרשנן. ישראלים טארין געוויס ניט עסין קיין נבלות אונ טרפות. נאר דער פסוק דארף מיר זאגען אז אפילו כהנים וואס זייא עסין קרבנות ניט געשאכטענע. ווארום א טאהב א קרבן דארף מען ניט שעכטין. נאר דער כהן צוא ברעכט איר האקין מיט דעם נאגיל. וואלט איך מיינען אז ער מעג עסין אנדערע נבלות אונ טרפות אויך. דריבער זאגט דער פסוק אז דער כהן טאר אויך ניט עסין קיין נבלות וטרפות. עס שטייט אין פסוק וכן תעשה בשבעה בחודש מאיש שוגה ומפתי וכפרתם את הבית. זאגט רבי יוחנן אזוי מיינט דער פסוק. וכן תעשה בשבעה. אויב זיבען שבטים האבען געזינדיגט. אפילו די זיבען שבטים זענען ניט דאס מערסטע טייל פון דיא יודען. זאלסטו אויך אזוי טאהן. זאל מען אויך ברייגגען א פר פאר א חטאת. בחודש מיינט מען אויב זייא האבען גזאגט אני עם דין. למשל זיי האבען גזאגט מען מעג עסין חלב. מאיש שוגה ומפתי מיינט מען. ווען דארפען זייא ברייגגען א קרבן אז זייא האבען ניט געטאהן מוהטווליג דיא עבירה נאר דיא סנהדרין

העלם דבר עם שגגת מעשה . אמר רבי יהודה א"ר [ברם] זכור אותו האיש לטוב וחנניה בן חזקיה (בן גרון) שמו שאלמלא הוא נגנז ספר יחזקאל שהיו דבריו סותרין דברי תורה מה עשה העלו לו ג' מאות גרבי שמן וישב בעליה ודרשן :

למימר כיחידים דמו ויביא כל אחד כשבה או שעירה אפ"ה הואיל ורוב שבטים הם חשיבי רובא דכיון פר העלם דבר שנעלם הדבר מסנהדרין ואמרו שחלב מותר : עם שגגת מעשה . שאכלו צבור חלב שוגגין על פיהם : דבריו סותרין דברי תורה . כגון כל הנך דאמרינן לעיל דקרי לפר דראש חודש חטאת וכן אותן דלעיל : שלש מאות גרבי שמן לנרות . להדליק בלילה ולדרשן : דהוא עשירי לעזרא . ר' אלעזר בן עזריה עשירי לעזרא הסופר : מאי כולי האי . דקא מייחסתו ליה : אי בר אוריין . אם בן תורה הוא : יאי . הרי הגון : חזייה . רבי פרידא לרבי עזרא : דהכירה דעתיה . שהיה לעיר פתח . בהגדה למתבנים : שהודעתיך . שאני מייחד שמך בעולם : א"ל טובתי בל עליך . דהכי משמע

כל המנחות פרק חמישי

(דף נג) **א אמרו** ליה רבנן לרבי פרידא ר' עזרא בר בריה דר' אבטולס דהוא עשירי לר' אלעזר בן עזריה דהוא עשירי לעזרא קאי אבבא אמר מאי כולי האי אי בר אוריין הוא יאי ואי בר אבהן ובר אוריין יאי ואי בר אבהן ולא בר אוריין אשא תיכליה אמרו ליה בר אוריין הוא אמר להו ליעול וליתי חזייה דהוה עכירה דעתיה פתח ואמר (תהלים טז) אמרת לה' ה' אתה טובתי בל עליך אמרה כנסת ישראל לפני הקב"ה רבש"ע החזק לי טובה שהודעתיך בעולם אמר לה

האבען גיהאט אטעות אין דין אונ האבען גיפסקת למשל אז חלב איז מותר ודאס הייסט העלם דבר . אונ ווען זייא האבען גיטאהן דיא עבירה זייא האבען גיגעסען דיא חלב האבען זייא אויך גימיינט מען מעג ודאס הייסט שגגת מעשה דארפען זייא ברייגגען אקרבן . רב יהודה האט גיזאגט פון רבם ווענין דעם מענטש דארפען מיר גידיינקען צום גוטען . זיין נאמען איז חנניה בן חזקיה . ווען ניט ער וואלט מען בעהאלטען דעם ספר יחזקאל . ווייל עס זעהט אויס אז דיא רייד פון יחזקאל איז אנדערש וויא עס שטייט אין דער תורה . וואס האט חנניה גיטאהן . ער איז ארויף גיגאנגען אין אשטוב אויף דעם בוידעם אונ ער איז דארט גיזעסען ביז ער האט פאר גלייכט דיא רייד פון יחזקאל מיט דיא רייד פון דיא תורה . אונ דרייא הונדערט פעסער בומאייל האט מען פר אים ארויף גיברייגגט אויף דעם בוידעם . ער זאל האבען צו ברענען ביי נאכט אין דער צייט וואס ער וועט זיצען אויף דעם בוידעם :

פרק חמישי

א אמרו : די רבנן האבען גיזאגט צו רבי פרידא רבי עזרא וואס ער איז אאייניקיל פון דעם רבי אבטילס . וואס ער איז אצעהנטער דור פון רבי אלעזר בן עזריה וואס רבי אלעזר בן עזריה איז דר צעהנטער דור פון עזרא הסופר . דער רבי עזרא שטייט ביי די טיר . האט רבי פרידא גיזאגט צוא וואס דער צייל̇ט איר מיר זיין יחוס . אויב דער רבי עזרא איז אלמדן איז גוט . אונ אויב ער איז איחסן אונ אלמדן איז געווים גוט . אונ אויב ער איז נאר איחסן אונ ניט קיין למדן . זאל אים אפייער פאר ברענען . האבען דיא רבנן גיזאגט צוא רבי פרידא ער איז אלמדן . האט רבי פרידא גיזאגט זאל ער אריין קומען . האט רבי פרידא גיזעהן אז רבי עזרא איז עפעס פר מישט . האט רבי פרידא אן גיהויבען צו דרשנין פסוקים . עס שטייט אין פסוק אמרת לה' ה' אתה טובתי בל עליך . דיא יודען האבען גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם דוא דארפסט מיר האלטין פאר אטובה וואס איך האב דיך בעקאנט גימאכט אויף דער וועלט : (ועיין במס' ברכות בפיסקא מנין שהקב"ה מניח תפילין) האט גאט גיזאגט צו דיא יודען אמרת לה' ה' אתה : וואס דוא האסט גיזאגט אויף מיר אז איך בין אגאט . טובתי בל עליך די טובה גיהער ניט צו דיר . די טובה גיהער צו אברהם יצחק יעקב . זיי האבען מיך בעקאנט גימאכט אויף דער וועלט פריער וויא דו . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק צו די הייליגע וואס וועגין שוין אין דער ערד וצו זיי איז מיין טובה ואדירי כל חפצי בם

לה טובתי בל עליך אין אני מחזיק טובה אלא לאברהם יצחק ויעקב שהודיעוני בעולם תהלה שנאמר (שם) לקדושים אשר בארץ המה ואדירי כל חפצי בם כיון דקא שמעיה דקא אמר אדיר פתח ואמר יבא אדיר ויפרע לאדירים מאדירים באדירים. אדיר זה הקב"ה דכתיב (תהלים צג) אדיר במרום ה'. ויפרע לאדירים אלו ישראל דכתיב (שם טז) ואדירי כל חפצי בם. מאדירים אלו מצרים דכתיב (שמות טו) צללו כעופרת במים אדירים. באדירים אלו מים דכתיב (תהלים צג) אדירים משברי ים. יבא ידיד בן ידיד ויבנה ידיד לידיד בחלקו של ידיד ויתכפרו בו ידידים. יבא ידיד זה שלמה דכתיב (ש"ב יב) וישלח נתן הנביא ויקרא את שמו ידידיה בעבור ה'. (ע"ב) בן ידיד זה אברהם דכתיב (ירמיה יא) מה לידידי בביתי. ויבנה ידיד זה בהמ"ק דכתיב (תהלים פד) מה ידידות משכנותיך ה' צבאות. לידיד זה הקב"ה דכתיב (ישעיה ה) אשירה נא לידידי. בחלקו של ידיד זה בנימין דכתיב (דברים לג) לבנימין אמר ידיד ה'. ויתכפרו בו ידידים אלו ישראל דכתיב (ירמיה יב) נתתי את ידדות נפשי בכף אויביה. יבא טוב ויקבל טוב מטוב לטובים. יבא טוב זה משה דכתיב (שמות ב) ותרא אותו כי טוב הוא. ויקבל טוב זו תורה דכתיב (משלי ד)

כי

מה שאמרת להקב"ה ה' אתה אין טובתי עליך אלא. לקדושים אשר בארץ. דהני תרי קראי סמיכי אהדדי וקב"ה אמרינהו: דשמעיה. ר' עזרא גר' פרידא דאמר אדירי כל חפצי בם נזכר אגדה של אדיר: יבא אדיר. כלומר כך אמר הקב"ה כשעשה נקמה במצרים צללו כעופרת במים מצריים שהם אדירים: מה לידידי. מפרש רבי יצחק לקמן באבהכס:

אונ די שטארקע וואס מיין גאנץ גערונג איז אין זיי. צו זיי איז מיין טובה. ווי רבי עזרא האט גיהערט אז רבי פרידא זאגט דעם ווארט אדיר. האט רבי עזרא אן גיהויבן צו זאגען יבא אדיר ויפרע לאדירים מאדירים באדירים. אדיר מיינט מען גאט אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אדיר במרום ה' גאט איז שטארק אין הימעל. ויפרע לאדירים. אונ ער זאל גיצאהלט ווערין פון וועגין די שטארקע. דאס מיינט מען פון וועגין די יודען. ווארום עס שטייט אין פסוק ואדירי כל חפצי בם. די שטארקע וואס מיין גאנץ בעגערונג איז אין זיי. אונ ער איז גיצאלט גיווארען מאדירים פון דיא שטארקע. דאס מיינט מען די מצריים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק צללו כעופרת במים. זיי האבען אראפ גינידערט אזוי ווי בליי אין וואסער. ווער האט אראפ גינידערט. אדירים די שטארקע מצרים. זייא האבען אראפ גינידערט באדירים. אין די שטארקע וואסער. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אדירים משברי ים. דיא שטארקע וואלען פון ים. נאך האט רבי עזרא גיזאגט יבא ידיד בן ידיד ויבנה ידיד לידיד בחלקו של ידיד ויתכפרו בו ידידים. יבא ידיד. דער ידיד זאל קומען. דאס מיינט מען שלמה המלך. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט געשיקט דעם נתן הנביא אונ ער האט גירופען זיין נאמען ידידיה פון וועגין גאט. ווייל גאט האט אים ליב. בן ידיד. וואס ער איז דער זוהן פון ידיד. דאס מיינט מען אברהם אבינו אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט צו אברהם מה לידידי בביתי. וואס טוהסט מיין געליבטער ביי מיר אין שטוב. ויבנה ידיד. אונ שלמה זאל באהען דעם ידיד. דאס מיינט מען דעם בית המקדש. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מה ידידות משכנותיך ה' צבאות. גאט ווי געליבט זענען דיינע רוהעניגען. ווי געליבט איז דיין בית המקדש. לידיד. דעם בית המקדש וועט ער באהען פון וועגין דעם ידיד. דאס מיינט מען פון וועגין גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אשירה נא לידידי. איך וועל זינגען פון וועגין מיין פריינד. בחלקו של ידיד. דער בית המקדש וועט גיבאהט ווערין אין דעם חלק פון דעם מענטש וואס מען רופט אים ידיד. דאס איז בנימין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק לבנימין אמר ידיד ה'. צוא בנימין האט משה גיזאגט. ער איז דער געליבטער פון גאט. ויתכפרו בו ידידים. דורך דעם בית המקדש וועלין פר געבען ווערין די זינד פון די ידידים. דאס מיינט מען די יודען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק נתתי את ידידות נפשי בכף אויביה. איך האב גיגעבען מיינע געליבטע יודען אין דיא הענט פון אירע פיינד. ווא האט רבי עזרא גיזאגט יבא טוב ויקבל טוב מטוב לטובים.

כי לקח טוב נתתי לכם תורתי אל תעזובו . מטוב זה הקב"ה שנאמר (תהלים קמה) טוב ה' לכל . לטובים א"ו ישראל דכתיב (שם קכה) היטיבה ה' לטובים . יבא זה ויקבל זאת מזה לעם זו . יבא זה זה משה דכתיב (שם לג) כי זה משה האיש . ויקבל זאת זו התורה דכתיב (דברים ד) וזאת התורה . מזה זה הקב"ה דכתיב (שמות טו) זה אלי ואנוהו . לעם זו אלו ישראל דכתיב (שמות טו) עם זו קנית ·

פירוש: עשותה המזמתה . כל מעשיהם במזיד ובכונה : יעברו מעליך . שהעבירו מעליהם מילה: כי רעתכי אז תעלוזי . בשעת עליזותם מתחזקים יותר ברעתם ולא חוזרין בהם : זית רענן . כמוך להכות קרא דמה לידידי : זית אחריתו בסופו . שמוטעו עלכיו והיינו ט ען עד זמן גדול וזה"כ

ב אמר ר' יצחק בשעה שחרב בהמ"ק מצא הקב"ה לאברהם עומד בבהמ"ק א"ל (ירמיה יא) מה לידידי בביתי א"ל על עסקי בני באתי א"ל בניך חטאו וגלו א"ל שמא בשוגג חטאו א"ל (שם) עשותה המזמתה א"ל שמא מעוטם חטאו א"ל הרבים א"ל היה לך לזכור להם ברית מילה א"ל (שם) ובשר קדש יעברו מעליך א"ל שמא אם המתנת להם היו חוזרין בתשובה א"ל (שם) כי רעתכי אז תעלוזי מיד הניח ידו על ראשו והיה צועק ובוכה ואמר שמא ח"ו אין להם תקנה יצאה ב"ק ואמרה לו (שם) זית רענן יפה פרי תאר קרא ה' שמך כה זית זה אחריתו בסופו אף ישראל אחריתן בסופן··

יבא טוב · עס זאל קומען דער וואס הייסט טוב . דאס מיינט מען משה . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ותרא אותו כי טוב הוא . די מוטער פון משה האט געזעהן אז משה איז גוט . ויקבל טוב . אונ ער זאל נעמען דאס גוטע . דאס מיינט מען די תורה . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק כי לקח טוב נתתי לכם איך האב גיגעבען צו אייך אגוטע לערנונג מיין תורה זאלט איר ניט פאר לאזען . מטוב מיינט מען גאט . ער האט גינומען די תורה פון גאט וואס ער איז גוט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק טוב ה' לכל : גאט איז גוט צו אלע . לטובים מיינט מען דיא יודען . ער האט גיגעבין דיא תורה צו די יודען וואס זיי זענין גוט . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק היטיבה ה' לטובים . גאט זאל טאהן גוטס צו די יודען וואס זייא זענין גוטע . נאך האט רבי עזרא גיזאגט יבא זה ויקבל זאת מזה לעם זו . יבא זה מיינט מען משה . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק כי זה משה האיש . דער מענטש משה . ויקבל זאת מיינט מען דיא תורה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וזאת התורה . מזה מיינט מען פון גאט . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק זה אלי ואנוהו . דאס איז מיין גאט אונ איך וועל מאכען פאר איהם אוואהנונג . לעם זו . מיינט מען די יודען . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק עם זו קנית · די פאלק וואס דו האסט גיקויפט · זאל קומען משה זאל נעמען דיא תורה פון גאט אונ זאל זיא געבין צוא דיא יודען :

ב אמר . רבי יצחק האט גיזאגט ווען דער בית המקדש איז חרוב גיווארין . האט גאט גיטראפען אברהם אבינו שטייט אין בית המקדש . האט גאט גיזאגט צוא אברהם וואס טוהסט מיין פריינד ביי מיר אין שטוב . האט אברהם גיזאגט איך בין געקומען פון וועגין מיינע קינדער : האט גאט גיזאגט צו אברהם דיינע קינדער האבען געזינדיגט אונ זענען פר טריבען גיווארען : האט אברהם גיזאגט טאמער האבען זיי געזינדיגט אומגעריין . האט גאט גיזאגט זיי האבען אלץ גיטאהן מוהטוויליג . האט אברהם גיזאגט טאמער האבען נאר אביסעל פון זיי געזינדיגט . האט גאט גיזאגט פיל יודען האבען געזינדיגט . האט אברהם גיזאגט צו גאט דוא האסט זיי גידארפט גידיינקען די מצוה פון מילה : האט גאט גיזאגט זייא האבען אראפ גענומען פון זיך די מצוה פון מילה . האט אברהם גיזאגט צו גאט טאמער אז דו וואלסט נאך גיווארט וואלטען זייא תשובה גיטאהן האט גאט גיזאגט ווען זיי איז גוט זינדיגען זיי נאך מעהר . האט אברהם גילייגט זיין האנט אויף זיין קאפ אונ ער האט געשריגען אונ גיוויינט אונ האט גיזאגט טאמער ח"ו איז שוין צו זייא קיין שום הילף ניטא . איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גיזאגט צוא אים דעם פסוק זית רענן יפה פרי תואר קרא ה' שמך . גאט האט גירופען דיין נאמען דוא ביזט אצווייג האפט גר איילבירט בוים די ביזט אשיינע פרוכט . אזוי וויא דער איל בירט בוים דאערט

(סס) לקול המולה גדולה הצית אש עליה ורעו דליותיו אמר רב חיננא בר פפא לקול מלייהו של מרגלים נתרועעו דליותיהן של ישראל דאמר רב חיננא בר פפא דבר גדול דברו מרגלים באותה שעה (במדבר יג) כי חזק הוא ממנו אל תקרי ממנו אלא ממנו כביכול שאפילו בעל הבית אינו יכול להוציא כליו משם. מתקיף לה ר' חייא בר חיננא האי לקול המולה לקול מלה מיבעי ליה אלא א"ל הקב"ה לאברהם קולך שמעתי והמלתי עליהם אני אמרתי ישתעבדו בר' מלכיות כל אחד ואחד כשעור מלכות מצרים השתא כל חדא וחדא מאי דפסיק להו וא"ד אני אמרתי בזה אח"ז עכשיו בבת אחת: אמר ריב"ל למה נמשלו ישראל לזית מה זית זה אין עליו נושרין לא בימות החמה ולא בימות הגשמים אף ישראל אין להם בטלה עולמית לא בעה"ז ולא בעה"ב. ר' יוחנן אמר למה נמשלו ישראל לזית לומר לך מה זית זה אין מוציא שמנו אלא ע"י כתישה אף ישראל אין חוזרין למוטב אלא ע"י יסורין:

טוען פירות הרבה. נ"א אין מתכסה מעט מעט כאשר אילנות אלא בסופו כולו יחד: דליותיהן. קריי"ש: נתרועעו נתרוצצו. כלומר נשבר גאון עוזם: בעל הבית. הקב"ה: כל א' וא': כשיעור ארבע גליות של עכשיו: כזה אחר זה. דהיינו ד' שיעורין: ועכשיו בבת אחת. דסוי כולו חד שיעורא אלא שיהו מפוזרין מקצתן משועבדין לבבל ומקצתן ליון ומקצתן לפרס ומקצתן לאדום:

מה

לאנג ביז ער קומט צו זיין גוטקייט צו זיינע פירות. אזוי בי יודען וועט אויך לאנג דויערין ביז זיי וועלין קומען צוא זייער גוטקייט אבער עס וועט זייא גוט זיין. עס שטייט אין פסוק לקול המולה גדולה הצית אש עליה ורעו דליותיו. הט רב חנינא בר פפא גיזאגט אזוי מיינט דער פסוק פון דעם קול פון די רייד פון די מרגלים איז צו בראכען גיווארען די שטארקייט פון די יודען אונ גאט האט גיצונדען אפייער אין בית המקדש. ווארום רב חנינא בר פפא הט גזאגט אגרויסע זאך האבען די מרגלים גירעט אין דער צייט. זיי האבען גיזאגט כי חזק הוא ממנו. זאלסט ניט לייענען ממנו פון אונז. נאר זאלסט לייענען ממנו פון איהם. די מרגלים האבען גיזאגט אז די פעלקער וואס וואהנען אין ארץ ישראל זענין שטארקר ווי גאט. זיי האבען גיזאגט אפילו דר בעל הבית (גאט אליין) וואלט אויך ניט קענין ארויס נעמען זיינע כלים פון דארטען. הט רבי חייא בר חנינא גיפרעגט המולה איז דאך ניט דער טייטש ריידען; נאר ברומען. הט דאך גידארפט שטיין לקול מלה גדולה; צו דעם קול פון די גרויסע רייד וואס די מרגלים האבען גירעט. אבער ניט המולה. נאר אזוי מיינט דער פסוק גאט האט גיזאגט צו אברהם קולך שמעתי וחמלתי עליהם. דיין קול האב איך גיהערט ווי דוא האסט גיוויינט. האב איך רחמנות גיהאט אויף די יודען. ודיא גמרא דרשת דעם ווארט המולה אזוי ווי עס וואלט גישטאנען חמלה אונ חמלה איז דער טייטש רחמנות. פריער האב איך גיזאגט די יודען זאלען זיין פיר מאל אין גלות. אונ יעדער גלות זאל דויערין אזוי לאנג וויא דער גלות פון מצרים האט גידויערט. איצט האב איך אויף זיי רחמנות. אונ יעדער גלות זאל נאר דויערין אזוי וויא עס איז אויס געזעצט גיווארען אויף איהם ווען גאט האט כורת ברית גיווען מיט אברהם אבינו. אנדערע זאגען אזוי האט גאט גיזאגט פריער האב איך גיזאגט אז עס זאל זיין איין גלות נאך דעם אנדערין אז זייא וועלין ארויס גיין פון איין גלות זאלין זייא אריין גיין אין אנדערין גלות. איצט הט גאט גיזאגט אלע גלות זאל זיין מיט איין מאל. אביסעל יודען זאלען זיין אין גלות בבל אביסול אין יון אביסול אין פרס אביסול אין אדום. רבי יהושע בן לוי זאגט פאר וואס זענין דיא יודען געגליכען צו אאיילבירט. אזוי וויא דער איילבירט בוים פאלען ניט אראפ זיינע בלעטער ניט זומער אונ ניט ווינטער. אזוי דיא יודען וועלין ניט פאר לארען ווערין ניט אויף דער וועלט אונ ניט אויף יענער וועלט. רבי יוחנן זאגט פאר וואס זענין דיא יודען געגליכען צוא אאיילבירט. אזוי וויא דער אייל בירט גיט ניט ארויס זיינע אייל סיידען מען צוא שטוסט איהם. אזוי דיא יודען ווערין ניט פרום סיידען זייא ווערין גיפייניגט:

פירוש

מרחשת. לשון רמז דמתרגמינן רחשין: מ"ט דמרחשת יש לה כיסוי ומחבת אין לה כיסוי: לא נימא דמשמעותא דמדקראת מרחשת משמע דאתיא ארחושי הלב שהוא דבר מכוסה לפיכך משמע מכוסין ומהגה כמו אמחבואי הפה לשון לב שהוא נגלה: ארחושי הלב. הרהור עבירה: מחבואי הפה. נבוחי הפה כגון שמכסיל: מחבת. שמוגה ולב חבוי וטמון הוא: אלא גמרא. דזו מכוסה וזו מגולה:

מעשה

(דף סג) **ג מתני'** מה בין מחבת למרחשת מרחשת יש לה כיסוי מחבת אין לה כיסוי דברי ר' יוסי הגלילי וכו':

ד גמ' מ"ט דרבי יוסי הגלילי אילימא מרחשת דאתיא ארחושי הלב כדכתיב (תהלים מה) רחש לבי דבר טוב ומחבת דאתיא אמחבואי הפה כדאמרי אינשי מנבח נבוחי אימא איפכא מחבת דאתיא אמחבואי הלב דכתיב (בראשית לא) למה נחבאת לברוח מרחשת דאתיא ארחושי כדאמרי אינשי הוה מרחשן שפוותיה אלא גמרא גמירי לה:

בי ישמעאל פרק ששי

(דף סד ע"ב) **א ת"ר** בשצרו מלכי בית חשמונאי וכו' (כדאמרינן בב"ק בפ' מרובה):

ב פיסקא מעשה שבא העומר מגגות צריפין ושתי הלחם מבקעת עין סוכר כי מטא עומר

ג מתניתין. מַה. אִין דֶער תּוֹרָה שְׁטֵייט אַז אֵיינֶער וֶועט בְּרֵיינְגֶען אַמְנְחַת מַחֲבַת אָדֶער אַמִנְחַת מַרְחֶשֶׁת (אַמִנְחָה אִיז מֶעהל מִיט בּוֹימאֵייל. וְאַזוֹי וְויא עֶס שְׁטֵייט אִין דִי סֶדְרָה וַיִּקְרָא): אָדֶער זִיא אִיז גִימַאכְט אִין אַכֵּלִי וָואס זִיא הֵייסְט מַחֲבַת. אָדֶער זִיא אִיז גִימַאכְט אִין אַכֵּלִי וָואס הֵייסְט מַרְחֶשֶׁת) וָואס אִיז מַחֲבַת אוּנ וָואס אִיז מַרְחֶשֶׁת: מַרְחֶשֶׁת הָאט אַדֶעק פוּן הוֹיבֶּען. אוּנ מַחֲבַת הָאט נִיט קֵיין דֶעק פוּן הוֹיבֶּען. אַזוֹי זָאגְט רַבִּי יוֹסִי הַגְלִילִי. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא פוּן וַואנֶען וֵוייס דָאס רַבִּי יוֹסִי הַגְלִילִי. אִיךְ זָאל זָאגֶען מַרְחֶשֶׁת לֶערְנֶען מִיר אָפּ פוּן רְחוּשֵׁי הַלֵב (דִיא טְרַאכְטוּנְג פוּן הַארְץ). אַזוֹי וְויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק רָחַשׁ לִבִּי דָבָר טוֹב. מַיין הַארְץ טְרַאכְט אַגוּטֶע זַאךְ. אוּנ אַזוֹי וְויא דִיא טְרַאכְטוּנְג פוּן הַארְץ וָואס וֶוערְט גִירוּפֶען רַחַשׁ אִיז צוּ גִידֶעקְט: אַזוֹי דִי כֵּלִי וָוס הֵייסְט מַרְחֶשֶׁת אִיז אוֹיךְ צוּ גִידֶעקְט: אוּנ מַחֲבַת לֶערְנֶען מִיר אָפּ פוּן מַחֲבוֹאֵי הַפֶּה. דִיא רֵייד פוּן מוֹיל. אַזוֹי וְויא מֶענְטְשִׁין זָאגֶען מַנְבִּיחַ נְבוּחִי. עֶר בִּילְט וֶוער רֶעט וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט) . אוּנ אַזוֹי וְויא מַחֲבוֹאֵי הַפֶּה. דִיא רֵייד פוּן מוֹיל וֶוענֶען אָפּ גִידֶעקְט. אַזוֹי מַחֲבַת מֵיינְט מֶען אוֹיךְ אַאָפּ גִידֶעקְטֶע כֵּלִי. טָאמֶער פַארְקֶערְט. מַחֲבַת וֶועלֶען מִיר אָפּ לֶערְנֶען פוּן מַחֲבוֹאֵי הַלֵב. דִיא פַאר בָּארְגֶענֶע גִידַאנְקֶען פוּן הַארְצֶען. אַזוֹי וְויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק לָמָה נַחְבֵּאתָ לִבְרוֹחַ. צוּ וָואס הָאסְטוּ דִיךְ בֶּעהַאלְטֶען צוּ אַנְטלוֹיפֶען. אַזוֹי וְויא מַחֲבוֹאֵי אִיז דֶער טַייטְשׁ בֶּעהַאלְטֶען: אַזוֹי מַחֲבַת מֵיינְט מֶען אוֹיךְ אַבֶּעהַאלְטֶענֶע כֵּלִי אַצוּ גִידֶעקְטֶע. אוּנ מַרְחֶשֶׁת וֶועלֶען מִיר אָפּ לֶערְנֶען פוּן אַרְחוּשֵׁי רֵיידֶען. אַזוֹי וְויא מֶענְטְשִׁין זָאגֶען הֲוָה מְרַחְשָׁן שִׂפְוָותֵיהּ. זַיינֶע לֶעפְצִין הָאבֶּען גִירֶעט. אוּנ אַזוֹי וְויא מְרַחְשָׁן אִיז דֶער טַייטְשׁ רֵיידֶען. וָוס דִיא רֵייד פוּן מוֹיל אִיז אָפּ גִידֶעקְט. אַזוֹי מַרְחֶשֶׁת מֵיינְט מֶען אוֹיךְ אַאָפּגִידֶעקְטֶע כֵּלִי. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא אָפּ לֶערְנֶען פוּן פְּסוּקִים קֶען מֶען נִיט. וֶועלְכֶע כֵּלִי אִיז אָפּ גִידֶעקְט אוּנ וֶועלְכֶע כֵּלִי אִיז צוּ גִידֶעקְט. נָאר רַבִּי יוֹסִי הַגְלִילִי הָט אַזוֹי גִילֶערוּנְט פוּן זַיין רֶבִּי אַז מַרְחֶשֶׁת אִיז אַצוּ גִידֶעקְטֶע כֵּלִי אוּנ מַחֲבַת אִיז אַאָפּגִידֶעקְטֶע כֵּלִי.

פרק ששי

א תָּנוּ רַבָּנָן דִי רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערוּנְט וֶוען דִי מְלָכִים פוּן חַשְׁמוֹנָאִי הָאבֶּען בֶּעלַאגֶערְט אוֹיף יְרוּשָׁלַיִם (דָס שְׁטֵייט אִין בבא קמא פרק מרובה):

ב פיסקא. מַעֲשֶׂה. עֶס הָאט אַמָאהל גִיטְרָאפֶען מֶען הָאט גִיבְּרֵיינְגְט גֶערְשְׁטִין מַקְרִיב צוּ זַיין דֶעם עוֹמֶר פוּן דֶעם אָרְט וָואס הֵייסְט גַּגּוֹת צְרִיפִין. אוּנ וֵוייץ הָאט מֶען גִיבְּרֵיינְגְט צוּ מַאכֶען דִיא צְוֵויי חַלּוֹת אוּם שָׁבוּעוֹת פוּן דֶעם טָאהל וָואס הֵייסְט עֵין סוֹכֵר. וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען

עומר לא הוו ידעי היכא איכא עומר לאיתויי אכרזו אתא ההוא חרשא אותיב הדא ידי' אאיגר' וחדא ידיה אצריפא א"ל מרדכי מי איכא דוכתא דשמיה צריפין גגות או גגות צריפין בדוק ואשכחו כי בעו לאיתויי שתי הלחם לא הוו ידעי היכא איכא אכרזו אתא ההוא חרשא אותיב חדא ידיה אעיניה וחדא ידיה אסיכרא א"ל מרדכי מי איכא דוכתא דשמיה עין סוכר או סוכר עין בדוק ואשכחו. (דף סה) פתחיה על הקינין פתחיה זה מרדכי למה נקרא שמו פתחיה שפותח דברים ודורשן ויודע שבעים לשון כולהו סנהדרי נמי הוו ידעי שבעים לשון דא"ר יוחנן אין מושיבין בסנהדרין אלא בעלי חכמה בעלי מראה בעלי קומה בעלי זקנה בעלי כשפים ויודעים שבעים לישון

(מעשה שבא העומר מגגות צריפין וכו'. מפורש שם במשנה מצות העומר להביא מן הקרוב ומפרש שם בגמ' משום כרמל ה"נ משום דאין מעבירין על המצות. פי' כרמל תקריב כן ומלא שהיא התבואה רכה ונמללת והי מייתי מתוך גבוה לא זיקא ומתקשה בזכך. והי כרמל במנחה ע מר כתיב ה"נ אין מעבירין וכו' הלכך כשאלא מיר' של ס לבקש עומר אותם שמוצא ראשון מעל' דאין מעבירין על המצות ומפורש שם בגמ' בימי השמונאי היו המלכות והחריבו כל סביבות ירושלים והצריכו להביא מגגות צריפים וכו' שהיו רחוקים מירושלים) : כי מטא עומר. זמן עומר : אכרזו. הכריזו שכל מי שיודע התבואה שיוד עגה : חרשא. הרש שומע ולא מדבר : אאיגרא. גג : צריפא. בורד"ל. שאין לו גג אלא חד מלמעלה ומין ערבה הוא : מרדכי. שהיה בימי אחשורוש : שתי הלחם. של חטים : אעיניה. בעינו : סיכרא: הור שבמזוזות הדלת שבו תוחבין הבריח לנעול : פתחיה על הקינין. על השופר ששמו קינין שמתנדב קן מביא מעות ונותן לתוכו : י"ג שופרות היו במקדש וכו'. במסכת שקלים : שפותח דברים ודורשן. בגמרא מפרש : בעלי קומה. שיראתו מהם בעלי דינין שלא ישקרו : בעלי כשפים. שלא יהיה הנדון מכשף (ויתביע הכייף) והכשר לא ישלוט בו

דיא צייט מקריב צו זיין דעם עומר האט מען ניט געוואוסט וואו עס איז דא גערשטין מען זאל ברענגען צום עומר מקריב זיין. האט מען אויס גירופען ווער עס וייס וואו עס איז דא נייע גערשטין אויף דעם פעלד זאל ער קומען זאגן. איז גיקומען אשטומער און האט גילייגט איין האנט אויף דעם דאך און דיא אנדערע האנט האט ער גילייגט אויף אביידיל גיפלאכטען פון ריטער (אדאך הייסט גג. און דיא ביידעל הייסט צריפין. צו זאמען דארף מען לייענען גגות צריפין) דריבער האט מרדכי גיפרעגט אויב עס איז דא אארט וואס הייסט גגות צריפין אדער צריפין גגות. מיינט געווים דער שטומער אז אין דעם ארט גגות צריפין איז דא נייע גערשטין. האט מען געזוכט און מען האט געפונען אזוי וויא דער שטומער האט געוויזען. ווען עס איז געקומען שבועות און מען האט גידארפט ווייץ נייע מקריב צוא זיין דיא צווייא ברויט האט מען ניט געוואוסט וואו עס איז דא נייע ווייץ. האט מען אויס גערופען ווער עס וייס וואו עס איז דא נייע ווייץ אויף דעם פעלד זאל ער קומען זאגן. איז גיקומען דער זעלביגער שטומער און האט גילייגט איין האנט אויף זיין אויג און דיא אנדערע האנט האט ער גילייגט אויף אדאך וואס איז פאר שטאפט (אאויג הייסט עין און דיא פר שטאפטע לאך הייסט סוכר) דריבער האט מרדכי גיפרעגט אויב עס איז דא אארט וואס הייסט עין סוכר אדער סוכר עין געווים מיינט ער אז אין דעם ארט עין סוכר איז דא נייע ווייץ אויף דעם פעלד. האט מען געזוכט און מען האט געפונען אזוי וויא דער שטומער האט געוויזען. פתחיה איז גיוועזען אגבאי אויף דעם קאסטען וואס אויף איהם איז גיוועזען געשריבען דאס ווארט קינין. ווער עס האט גיוואלט געבין אנדבה צוויי טאהבין מקריב צו זיין אויף דעם מזבח. האט ער גענומען געלט וויא פיל צוויי טאהבין קאסטען און האט אריין גיווארפען דאס געלט אין דעם קאסטען און פתחיה האט ארויס גענומען דאס געלט און האט גיקויפט פאר זייא טאהבין און האט גיגעבין דיא טאהבין צו דיא כהנים און דיא כהנים האבען מקריב גיוועזען אויף דעם מזבח. פתחיה איז מרדכי. פאר וואס האט מען גירופען מרדכי פתחיה. ווארום פתחיה איז דער טייטש עפענען (אנהייבען) ; ווייל מרדכי פלעגט אנהייבען צו ריידען תורה און פלעגט דרשנען. און מרדכי האט גיקענט זיבעציג שפראכן. פרעגט דיא גמרא אלע דיינים וואס זענען גיוועזען פון דיא סנהדרין האבען דאך אויך גיקענט זיבעציג שפראכען. ווארום רבי יוחנן האט גזאגט מען זעצט ניט קיין דיין צווישען די סנהדרין סידין ער איז אחכם און אשיינער און אהויבער און. אאלטער און קען כישוף און קען זיבעציג

לשון שלא תהא סנהדרין שומעין מפי המתורגמן אלא דהוה בייל לישני ודריש והיינו דכתיב (נחמיה ז) מרדכי בלשן :

ג הין בייתוסין אומרים עצרת אחר שבת נטפל להם ריב"ז וא"ל שוטים מנין לכם ולא היה אדם אחד שהיה משיבו חוץ מזקן אחד שהיה מפטפט כנגדו ואמר משה רבינו אוהב ישראל היה ויודע שעצרת יום א' הוא עמד ותיקנה אחר שבת כדי שיהו ישראל מתענגין ב' ימים קרא עליו מקרא זה (דברים א) אחד עשר יום מחורב דרך הר שעיר (ע"ג) ואם משה רבינו אוהב ישראל היה למה איחרן במדבר מ' שנה א"ל רבי בכך אתה פוטרני א"ל שוטה ולא תהא תורה שלמה שלנו כשיחה בטלה שלכם כתוב אחד אומר (ויקרא כג) תספרו חמשים יום וכתוב אחד אומר (שם) שבע שבתות תמימות תהיינה הא כיצד כאן ביו"ט שחל להיות בשבת כאן ביו"ט שחל להיות באמצע השבת :

בעי

כי יעשו בה מכשפות וימיתוהו בכל מיתה שירצו (והיינו דהכריך כאלו מליאות מנין שלא אי אתה יכול לרמיהו במיתה הכתובה בו וגו') : מפי המתורגמן . שלא יחליף המתורגמן טענותיו ויהפכהו : דהוה בייל לישני . בולל ומערב שלשונות ודורשן . כגון עין סוכר וגגות צריפין והיינו דקרו ליה מרדכי בלשן :

מנין לכם, דאלו מנוהג השבת ממש הוא: זקן אחד. בייתוסי היה מפטפט בדברי ויכוחין : י"א יום וגו'. כלום היה משה מוליך את ישראל דרך הר שעיר אין באין בי"א יום לקדש ברנע בשנה ראשונה : ואת אוהב ישראל היה . למה מאחרן מ' שנה דיחוי בעלמא קאמר ליה משום דהוא היה אומר דברי הבל : לא תהא תורה שלמה . לדהוי אדם בקנה וזקם כשיחה בטלה ש כל דלנו יש ראיה ולכם אין ראיה : חמשים יום . משמע ימים ולא שבועות וכתיב אחד אומר שבועות ושבועות לא קרי אלא אוקן שמתחילות באחד בשבת ומסיימות בשבת : הא כיצד כאן ביו"ט ראשון של פסח שחל להיות בשבת . דממחרתו אחר השבת דהוא יום הבאת עומר ומתחילין למנות מתוקף שבע שבתות תמימות תהיינה : ביו"ט של פסח שחל להיות באמצע שבת . דמתחילין למנות ממחרתו מיהוקם

שְׁפְּרַאךְ ׃ וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען פַאר דִיא סַנְהֶדְרִין צוּם מִשְׁפָּט אָדֶער עֵדוּת צוּ זָאגֶען וָואס פַאר אַשְׁפְּרַאךְ עֶר וֶועט רֵיידֶען זָאלֶען דִיא סַנְהֶדְרִין פַאר שְׁטֵיין וָואס עֶר רֶעט אוּנ מֶען זָאל נִישְׁט דַארְפִין שְׁטֶעלִין אַדָאלְמַאצֶר . עֶנְפֶערְט דִיא גְמָרָא מִיט דֶער זַאךְ . זוּ מָרְדְכַי גִיוֶוען גְרֶעסֶער וִויא אַלֶע סַנְהֶדְרִין אַז אֲפִילוּ אֵיינֶער הָאט גִירֶעט אַפַּארמִישְׁטֶען לָשׁוֹן הָאט אוֹיךְ מָרְדְכַי פַארְשְׁטַאנֶען . אוּנ וָואס דֶער שְׁטוּמֶער הָאט גִימֵיינְט הָאט אוֹיךְ קֵיינֶער נִיט פַאר שְׁטַאנֶען נָאר מָרְדְכַי אַלֵיין . דְרִיבֶּער שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מָרְדְכַי בִּלְשָׁן . בִּלְשָׁן אִיז צְווֵיי וֶוערְטֶער בַּל לָשׁוֹן אַצוּמִישְׁטֶע שְׁפְּרַאכֶע . וַוייל מָרְדְכַי הָאט פַאר שְׁטַאנֶען אֲפִילוּ אַצוּמִישְׁטֶע שְׁפְּרַאכֶע אוֹיךְ דְרִיבֶּער הָאט מֶען אִיהם גִירוּפֶען בִּלְשָׁן ׃

ג הָיוּ . דִיא תַּלְמִידִים פוּן דֶעם אַפִּיקוֹרוֹס בַּיְיתוּס פְלֶעגִין זָאגֶען אַז שָׁבוּעוֹת מוּז אֵייבִּיג זַיין זוּנְטָאג . הָאט זִיךְ בַּוהֶעפְט צוּ זֵייא רַבָּן יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי אוּנ הָאט גְזָאגְט צוּ זֵייא שׁוֹטִים נַארֶען פוּן וַואנֶען וֵוייסְט אִיר דָאס אַז שָׁבוּעוֹת מוּז אֵייבִּיג זַיין זוּנְטָאג . אִיז נִיט גִיוֶוען אֵיין מֶענְטְשׁ פוּן זֵייא וָואס זָאל וִויסֶען צוּ עֶנְפֶערִין ׃ נָאר אֵיין אַלְטֶער מַאן אִיז גִיוֶוען צְווִישֶׁען זֵייא וָוס עֶר הָאט גִירֶעט גֶעגִין רַבִּי יוֹחָנָן אוּנ הָאט גְזָאגְט וַוייל מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט לִיבּ גִיהַאט דִיא יוּדֶען אוּנ עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז שָׁבוּעוֹת אִיז נָאר אֵיין טָאג דְרִיבֶּער הָאט עֶר גְזָאגְט שָׁבוּעוֹת זָאל זַיין זוּנְטָאג דִיא יוּדֶען זָאלֶען הָאבֶּען פַאר גֶענִיגֶען צְווֵייא טֶעג צוּ זַאמֶען . הָאט רַבִּי יוֹחָנָן גִילֵייעֶנְט דֶעם פָּסוּק אַז מֶען זָאל גֵיין פוּן בַּארְג סִינַי צוּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דוּרְךְ דֶעם בַּארְג שֵׂעִיר דַארְף דָאהֶערִין דִיא וֶועג נָאר עֶלְף טֶעג . אַז מֹשֶׁה וָואלְט לִיבּ גִיהַאט דִיא יוּדֶען פַאר וָואס הָאט עֶר זֵייא גֶעפִירְט אִין דֶער מִדְבָּר פֶערְצִיג יָאהר . הָאט דֶער אַלְטֶער גְזָאגְט צוּ רַבִּי יוֹחָנָן רַבִּי מִיט דֶעם פָּסוּק ווִילְסְטוּ מִיךְ שׁוֹין פַּטְרִין . דָאס זָאל שׁוֹין זַיין מַיין תֵּירוּץ . הָאט רַבִּי יוֹחָנָן גְזָאגְט צוּם אַלְטֶען דוּא שׁוֹטֶה זָאל אוּנְזֶער גַאנְצֶע תּוֹרָה נִיט זַיין גְלַייךְ צוּ אַייעֶרֶע לֵיידִיגֶע רֵייד . אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזֶען פוּן דֶער תּוֹרָה אַז שָׁבוּעוֹת אִיז נִיט אַלֶע יָאהר גְלַייךְ ׃ אַמָאהל אִיז טַאקִי שָׁבוּעוֹת זוּנְטָאג אוּנ אַמָאהל אִיז שָׁבוּעוֹת אִין מִיטְּוֶן וָואךְ . וָוארוּם אִין אֵיין פָּסוּק שְׁטֵייט מֶען זָאל צֵיילֶען פוּפְצִיג טֶעג . פוּן אַנְדֶערִין טָאג פֶּסַח בִּיז שָׁבוּעוֹת . אוּנ אִין אַנְדֶערִין פָּסוּק שְׁטֵייט עֶס זָאל זַיין פוּן פֶּסַח בִּיז שָׁבוּעוֹת גַאנְצֶע זִיבֶּען וָואכֶען . וִויא אַזוֹי זָאל דָאס זַיין ׃ נָאר אוֹיבּ דֶער עֶרְשְׁטֶער טָאג פֶּסַח גִיפַאלְט אוּם שַׁבָּת צֵיילְט מֶען פוּן זוּנְטָאג גַאנְצֶע זִיבֶּען וָואכֶען קוּמְט אוֹיס שָׁבוּעוֹת זוּנְטָאג . אוּנ אוֹיבּ פֶּסַח גִיפַאלְט אִין

(דף סס ע"ג) **ד בעי** ר' זירא חטין שירדו בעבים מהו למאי אי למנחות אמאי לא אלא לשתי הלחם מאי ממושבותיכם אמר רחמנא לאפוקי דח"ל דלא אבל דעבים שפיר דמי או דילמא ממושבותיכם דוקא ואפילו דעבים נמי לא ומי איכא כה"ג אין בר עדי טייעא נחיתא ליה רום כיזבא חיטי בתלתא פרסי:

(דף עא) **ה תניא** ו' דברים עשו אנשי יריחו שלשה ברצון חכמים ושלשה שלא ברצון חכמים ואלו שברצון חכמים מרכיבין דקלים כל היום וכורכין את שמע וקוצרין לפני העומר ברצון חכמים. ואלו שלא ברצון חכמים גודשין לפני העומר ומתירין גמזיות של הקדש של חרוב ושל שקמה ופורצין פרצות בגנותיהן ובפרדסותיהן להאכיל נשר לעניים בשני בצורת

קרא בחמשים יום ולא בשבועות שלמות אלא מתחילין למנות במוצאי שבת: שירדו בעבים. עב המטר כששתו העבים בהוקיינוס בלעו ספינה מלאה חטים: רום כיזבא בתלתא פרסי. שהיה קרקעו אורך ג' פרסאות רום כיזבא טפח בזקיפת גודל:

מרכיבין דקלים. כל היום של י"ד בניסן דסבירא להו לאו מלאכה חשובה היא: וכורכין את שמע. מפרש בפסחים במקום שמגו שהיו אומרים שמע ישראל ולא היו מפסיקין ליתן ריוח בין תיבה לתיבה: לפני העומר וכו'. ואע"ג דאמר ר"מ לעיל מוצאין שוקי ירושלים מלאין קמח וקלי שלא ברצון חכמים דגזור דילמא אתי למיכל מיניה ההם הוא דעסיק ביה טובא בקצירה וטחינה וקלי והרקדה ועוד שלא במקום פסידא הוא אבל אנשי יריחו דפסידא איכא וקצירה לחודה צריכן להו מודה רבי מאיר דברצון חכמים הוא תדע דלא שרי גדישה: ומתירין גמזיות של הקדש. בבנאה ענפים של חרוב ושקמה

מיטען וואך צייכט מען פון אנדערן טאג פסח פופציג טעג ביז שבועות אונ שבועות גיפאלט אויך אין מיטען וואך) פון זונטאג ביז זונטאג הייסט אגאנצע וואך):

ד בעי. רבי זירא האט גיפרעגט ווען דיא וואלקינס האבען גיטרונקען וואסער אין ים אוקינוס האבען זייא איין גישלונגען אשיף פול מיט ווייץ. דער נאך ווען עס גייט רעגין פאלען אראפ קערנער ווייץ מיט דעם רעגין. וויא איז דער דין מיט דיא ווייץ. זאגט דיא גמרא געגין וואס פרעגט רבי זירא. אויב מען מעג מאהלען דיא ווייץ אונ פון דיא מעהל מקריב זיין אמנחה: געוויס מעג מען. פאר וואס זאל מען ניט מעגין. נאר רבי זירא פרעגט אויב מען מעג מאכען פון די מעהל די צוויי חלות אויף שבועות. ווארום די תורה האט גזאגט אז די ווייץ זאל זיין פון אייער זיצונג. דאס מיינט מען פון ארץ ישראל. ניט פון חוץ לארץ. אבער די ווייץ וואס קומט פון דיא וואלקינס מעג מען: אדער ניין. מען מיינט נאר פון אייער זיצונג (פון דיא ארץ ישראל ערד) אבער פון חוץ לארץ ניט אונ אפילו די ווייץ וואס קומט פון דיא וואלקינס טאר מען אויך ניט מאכען פון זייא צוויי ברויט פון שבועות. פרעגט דיא גמרא טרעפט דען אזוי אזאך אז א וואלקין זאל איין שלינגען אשיף מיט ווייץ. ענפערט דיא גמרא יא עס טרעפט. ביי דעם סוחר בר עדי האט אראפ גירעגינט ווייץ פון זייא וואלקינס אויף דריי מייל די לענג אונ אויף אטפח מיט אגודל די הייך (דער גראבער פינגער הייסט גודל):

ה תניא. מיר האבען גילערונט דיא מענטשין פון יריחו האבען גיטאן זעקס זאכען. דרייא זאכען האבען זייא גיטאהן מיט דעם ווילען פון דיא חכמים. דיא חכמים האבען גיזאגט מען מעג אזוי טאן. אונ דרייא זאכען האבען זייא גיטאן ניט מיט דעם ווילען פון דיא חכמים. דיא חכמים האבען גיזאגט מען טאר ניט אזוי טאהן. אונ זייא האבען יא גיטאהן. דיא דריי זאכען האבען זייא גיטאהן מיט דעם ווילען פון דיא חכמים. זיי האבען מרכיב גיוועזען טייטל בוימער ערב פסח אגאנצען טאג. (מרכיב זיין הייסט מען נעמט אצווייג פון אבוים אונ מען זעצט איהם אריין אין אוואָרציל פון אאפ גיהאקטען בוים. אונ דער צווייג ווערט איין גיוואָרצילט אונ וואקסט אויף אגרויסער בוים). אונ אז זייא האבען גילייענט קריאת שמע האבען זייא גילייענט געשווינט אלע ווערטער בעזאמען אונ זייא האבען ניט אפ געזונדערט איין ווארט פון אנדערין. אונ זייא האבען געשניטען תבואה פון די פעלדער פאר פסח איידער מען האט מקריב גיוועזען דעם עומר. אונ דיא חכמים האבען גזאגט מען מעג. אונ די דריי זאכען האבען זיי גיטאהן ניט מיט דעם ווילען פון די חכמים. זייא פלעגין מאכען שייערין (שפייכלערס) תבואה פון דיא נייע תבואה וואס זיי האבען געשניטען פאר פסח. דאס טאר מען ניט. מען

בצורת בשבתות ויו"ט דברי ר"מ א"ל ר' יהודה אם ברצון חכמים הם עושין יהיו כל אדם עושין כן אלא אלו ואלו שלא ברצון חכמים ועל ג' מיחו בידם ועל ג' לא מיחו בידם :

כל קרבנות פ"ק תשיעי

(דף פה) **א אמרי** ליה יוחני וממרא למשה תבן אתה מכנים לעפריים אמר להו אמרי אינשי למתא ירקא ירקא שקול :

וישלח

פירוש

הכי אומרים הכותים לא הקדישו אלא קורות עיקר האילן ואנו כזיר גמזיות וקא סברי אין מעילה בגידולין ולהכי נקט חרוב ושקמה דסתמייהו לקורות קיימי : להאכיל נשר . פירות שתחת האילן שנשרו רבנן גזרו שמא יעלה ויתלוש :

יוחני וממרא . ראשי מכשפים של מצרים אמרו לו למשה כשהיה עושה האותות לעיני פרעה שהיו סבורין שהוא עושה אותם ע"י כישוף : תבן אתה מכנים לעפריים . משל הוא דמכנים תבן לעפריים למכור משונה הוא שהרי יש שם תבואה הרבה אף אתה עושה מכשפות בכאן ואין מכשפין בעולם כמותנו : אמר להם אמרי אינשי למתא ירקא ירקא שקול . לעיר שירק גדל בה הרבה שא ירק לשם למכור לפי שמתקבלין שם כל הצריך לקנות ירק כלומר אנא נמי שפיר קא עבידנא הם

מעג נאר שניידען פאר פסח אביסול תבואה וואס מען דארף נייטיג צום עסן . אבער ניט פיל ; מען זאל אויף שיטען אין פעלד אגאנצען בארג פון דיא נייע תבואה פאר פסח טאר מען ניט ; אונ אז זייא האבען גיהאט באקסען בוימער אונ ווילדע פייגען בוימער וואס זייערע עלטערין האבען דיא בוימער גיהייליגט צו גאט . פלעגין זייא אפ האקין דיא צווייגען פון דיא בוימער אונ דאס גענומען פאר זיך . אונ דאס טאר מען ניט . ווארום אז דער בוים איז הייליג . איז דאך דער צווייג וואס וואקסט פון דעם בוים אויך הייליג . אונ זייא פלעגין אוים ברעכין דיא ווענט פון זייערע גערטנער אונ פון זייערע בוימגערטנער אונ פלעגין לאזין ארעמע לייט זאלען ארייין גיין אום שבת אדער אום יום טוב אונ זאלען אויף קלויבען דיא פירות וואס ליגען אויף דיא ערד וואס זענען הײנט אום שבת אונ אום יום טוב אראפ גיפאלען פון בוים . אזוי האבען זייא גיטאהן אין אהונגער יאהר ווייא אליין פלעגין ניט עסין דיא אראפ גיפאלענע פירות אום שבת אדער אום יום טוב . חייל מען טאר ניט . נאר צוא ארעמע לייט פלעגין זיי דאס יא געבין ווייל עס איז גיוועזען אהונגער יאהר) . אזוי זאגט רבי מאיר . האט רבי יהודה גזאגט צוא רבי מאיר אויב דיא ערשטע דריי זאכען האבען דיא מענטשין פון יריחו גיטאהן מיט דעם ווילען פון דיא חכמים . פאר וואס נאר דיא מענטשין פון יריחו . זאלען אלע מענטשין מעגין טאהן דיא דריי זאכען . נאר אזוי איז גיוועזען . דיא אלע זעקס זאכען האבען זייא גיטאן ניט מיט דעם ווילען פון דיא חכמים . נאר דיא אנדערע דריי זאכען האבען דיא חכמים זייא ניט גילאזט טאהן . אונ די ערשטע דריי זאכען האבען די חכמים זיי ניט גישטערט . אבער דיא חכמים זענען ניט צו פרידען גיוועזען וואס מען טוהט אזוי :

פרק תשיעי

א אמרי . יוחני אונ ממרא זענען גיוועזען דיא גרעסטע מכשפים אין מצרים . ווען זייא האבען גיזעהן די וואונדער וואס משה האט גיטאהן אין מצרים . האבען זייא גימיינט אז משה מאכט דאס אויך מיט כישוף . האבען זייא גיזאגט צו משה רבינו דוא ברײנגסט שטרוי צו פאר קויפען אין אזוי אשטאט וואס אלע מענטשין פאר קויפען שטרוי . ווער וועט בייא דיר די שטרוי קויפען . אז אלע פאר קויפען שטרוי . דאס איז אמשל . דוא ביזט גיקומען ווייזען כישוף אין מצרים . וואס אלע מענטשין פון מצרים זענען מכשפים . האט משה זייא גיענפערט מענטשין זאגען אויב דוא האסט גרינוואורג צו פאר קויפען . זאלסטו זייא נאר ברײנגען אין דיא שטאט וואס דארט וואקסט פיל גרינוואורג . פארשטייען אלע וועלכע גרינוואורג איז גוט . אונ אויב דיינע גרינוואורג איז אויך גוט וועט מען וויסען מען זאל דיר גוט בעצאהלען . מיט מיינע וואונדער איז אויך אזוי ; ווען איך זאל מאכען מיינע וואונדער אין אשטאט וואס זענען ניט קיין כשוף מאכערס . וואלטען זייא געווים זאגען אז איך מאך כישוף . דריבער בין איך געקומען מיט מיינע וואונדער אין מצרים וואס אלע זענען מכשפים אונ ווייסען וואס כשוף איז . וועלען זייא וויסען אז מיינע אלע

(ע"ב) (ש"ב יד) ב וישלח יואב תקועה ויקח משם אשה חכמה מאי שנא תקועה א"ר יוחנן מתוך שרגילין בשמן זית חכמה מצויה בהם. ת"ר (דברים לג) וטובל בשמן רגלו זה חלקו של אשר שמושך שמן כמעין. אמרו פעם אחת נצטרכו אנשי לודקיא לשמן מינו להם פולמוסטוס אחד אמרו לו לך והבא לנו שמן במאה רבוא הלך לירושלים אמרו לו לך לצור הלך לצור אמרו לו לך לגוש חלב הלך לגוש חלב אמרו לו לך אצל פלוני בשדה הלך ומצאו עוזק תחת זיתיו א"ל יש לך שמן במאה רבוא שאני צריך א"ל הן המתן עד שאסיים מלאכתי המתין לו עד שסיים מלאכתו לאחר שסיים מלאכתו הפשיל כליו לאחוריו והיה כסקל ובא בדרך אמר לזה יש לו שמן במאה רבוא כמדומה אני ששחוק שחקו בי הירודים כיון שהגיע לעיר הביאה לו שפחתו קומקומוס של חמין ורחץ בו ידיו ורגליו והוציאה לו ספל של זהב מלא שמן וטבל בו ידיו ורגליו לקיים מה שנאמר וטובל בשמן רגלו לאחר שאכלו ושתו מדד לו שמן במאה רבוא אמר לו

אמרו לו דברי ליצנות והיה חביב להם בעיניהם: שמן זית. מפקח את הלב: פולמוסטוס. ממונה: במאה רבוא. מנים: לגוש חלב. שם מקום בחלקו של אשר: עוזק. חופר זיתיו שחופר סביב הזית כעין טבעת כמו עיזקא: הפשיל כליו לאחוריו. כמו שכיר עני: מסקל. מפנה.

וואונדער איז ניט קיין כשוף:

ב וישלח. יואב האט געשיקט אין דיא שטאט תקועה אונ ער האט גינומען פון דארט א קלוגע אשה. פאר וואס האט ער געשיקט אין תקועה. האט רבי יוחנן גיזאגט וייל אין תקועה זענען זייא גיוואוהנט צו עסען בוימאייל. דריבער זענען זייא קלוגע מענטשען. דיא רבנן האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק ער וועט איינטונקען אין בוימאייל זיינע פיס: דאס איז גיוועזען דער חלק פון שבט אשר. דארט האבען דיא איילבירטען גיגעבען קוואלען בוימאייל. מען דערציילט אמאהל האבען דיא מענטשען פון לודקיא גידארפט בוימאייל. האבען זייא גימאכט א שליח אונ האבען גזאגט צו איהם גיי ברייניג פאר אונז בוימאייל פאר הונדערט מאהל צעהן טויזענד גילדין. איז דער שליח געקומען אין ירושלים. האט ער ניט בעקומען אזוי פיל בוימאייל. האט מען גזאגט צום שליח ער זאל גיין אין צור. איז ער גיקומען אין צור. האט ער אויך ניט בעקומען אזוי פיל בוימאייל. האט מען געזאגט צום שליח ער זאל גיין אין גוש חלב. איז דער שליח געקומען אין גוש חלב. האט מען גזאגט צו איהם גיי צו יענעם מענטש אין פעלד וועסטו בעקומען דיא בוימאייל. איז דער שליח געקומען אין פעלד האט ער גיטראפען דער מענטש גראבט אונטער דיא איילבירט בוימער. האט דער שליח גזאגט צו דעם מענטש דוא האסט פאר הונדערט מאהל צעהן טויזענד גילדין בוימאייל איך דארף קויפען אזוי פיל בוימאייל. האט דער מענטש גזאגט יא איך האב. ווארט ביז איך וועל ענדיגען מיין ארבעט. האט דער שליח גיווארט ביז ער האט גיענדיגט דיא ארבעט. דער נאך וויא ער האט גיענדיגט זיין ארבעט. האט ער גענומען זיינע כלים אויף דיא פלייצעס. אונ ער איז גיגאנגען אין וועג. דער שליח ווייל גייענדיג האט ער אויס גיראמט דיא שטיינער פון פעלד. אונ ווייל דער שליח האט גיזעהן אז דער מענטש ארבעט אזוי וויא א פראסטער ארבעטער. האט דער שליח גזאגט קען דאס זיין אז דער מענטש. זאל האבען בוימאייל פאר הונדערט מאהל צעהן טויזענד גילדין. מיר דוכט אז דיא יורען פון גוש חלב האבען גילאכט פון מיר וואס זייא האבען מיך געשיקט צו דעם מענטש: וויא דער מענטש איז גיקומען אין שטאט האט דיא דינסט געברייננט פאר איהם א קעסיל ווארעמע וואסער אונ ער האט אפ גיוואשען זיינע הענט אונ זיינע פיס. דער נאך האט דיא דינסט געבריינגט א גאלדענעם בעקין פול מיט בוימאייל אונ ער האט איין גיטונקט אין דעם בעקין זיינע הענט אונ זיינע פיס צו מקיים זיין דעם פסוק ער וועט טונקען אין בוימאייל זיינע פיס. דער נאך וויא זייא האבען גיגעסין אונ גיטרונקען האט דער מענטש אפ גימאסטען בוימאייל פאר הונדערט מאהל צעהן טויזענד גילדין

אביס מן השדה ומתוך כך נדמה לו לאותו פולמוסטוס *כעני: לקלסו. לגנותו על שקנה כל כך: קימקומוס. יורה קטנה: מתעשר. מראה עצמו כעשיר ואין לו כלום: מתרושש. מראה עצמו כרש ויש לו הון רב כגון זה שהיה מסקל והופך תחת זיתיו:

אליך. לרצונך ולהראות חבתכם לפני: ולא לי. בשבילי שלא לאורה אני צריך: שלחן בצפון ומנורה בדרום. ומזבח הזהב היה באמצע ש"מ לא לאורה אני צריך ולא לאכילה דאם הייתי צריך הייתי נותן מנורה סמוך לשלחן כ.והג בעולם: שקופים מבחוץ. רחבים מבחוץ: ואטומים מבפנים. ופירש קצר מבפנים ודרך בנאים כשעושין חלון מרחיבין אותה מבפנים ומשפעין את עובי הכותל מכל צד כדי שלא יכהום ויעכב לפני הכותל את האור מלבא לגדיין.

לו בלום אתה צריך יותר אמר לו הן אלא שאין בידי דמים אמר לו אם אתה רוצה ליקח קח ואני אלך עמך ואטול הדמים מדד לו שמן בי"ח רבוא אמרו לא הניח אותו האיש לא סוס ולא פרד ולא גמל ולא חמור בא"י שלא שכרו כיון שהגיע לעירו יצאו אנשי עירו לקלסו אמר להם לא תקלסו לי אלא לזה שעמי שמדד ל שמן במאה דבוא והרי נושה בי י"ח רבוא לקיים מה שנא' (משלי יג) יש מתעשר ואין כל מתרושש והון רב:

(דף פו ע"ב) (ויקרא כד) **ג צו** את בני ישראל ויקחו אליך שמן זית זך. אמר ר' שמואל בר נחמני אליך ולא לי לא לאורה אני צריך שלחן בצפון ומנורה בדרום אמר רבי זריקא אמר רבי אלעזר לא לאכילה אני צריך לא לאורה אני צריך (מ"א ו) ויעש לבית חלוני שקופים אטומים תנא שקופים מבפנים ואטומים

גילדין. האט דער מענטש גזאגט צום שליח טאמער דארפסטו נאך בוימאייל. האט דער שליח גזאגט איך דארף נאך בוימאייל נאר איך האב ניט מער קיין געלט מיט גנומען. האט דער מענטש גזאגט צום שליח אויב דוא ווילסט נעם דיר נאך בוימאייל אונ. איך וועל גיין מיט דיר ביז צו דיין שטאט וועסטו מיר דארטען בצאהלען. האט דער מענטש אפ גימאסטען בוימאייל נאך פאר אכטצעהן מאהל צעהן טויזענד גילדין. מען האט גזאגט אז דער מענטש האט גידונגען אין ארץ ישראל אלע פערד אונ אלע מויל אייזלען אונ אלע קעמלען אונ אלע פראסטע אייזלען. ער האט ניט גילאזען איין בהמה אין ארץ ישראל וואס ער האט איר ניט גידונגען צום פירען דעם בוימאייל. וויא דער שליח איז גיקומען מיט דעם בוימאייל צו זיין שטאט. זענען דיא מענטשין פון שטאט ארויס גיגאנגען געגין איהם צו לויבען איהם ווייל ער האט גיבריינגט אזוי פיל בוימאייל. האט דער שליח צו זייא גזאגט איר זאלט ניט לויבען מיך. נאר לויבט דעם מענטש וואס איז גיקומען מיט מיר. ער האט מיר אפ גימאסטען בוימאייל פאר הונדערט מאהל צעהן טויזענד גילדין. פאר וויא פיל געלט איך האב גיהאט. אונ ער האט מיר גיבארגט נאך פאר אכטצעהן מאהל צעהן טויזענד גילדין. צו מקיים זיין דעם פסוק איינער ווייזט פאר מענטשין אז ער איז רייך. אונ אין אמת האט ער גאר ניט. אונ איינער ווייזט פאר מענטשין אז ער איז ארעם. אונ ער האט אגרויסען פאר מעגין. אזוי וויא דער מענטש האט אויס גיזעהן וויא אארעם מאן. ער האט אליין גיגראבען אונ אליין ארויס גיווארפען דיא שטיינער פון פעלד. אונ ער איז אזוי רייך גיוועזן:

ג צו. עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צו משה דו זאלסט געפיטען דיא יודען זייא זאלען נעמען צו דיר בוימאייל קלארין. רבי שמואל בר נחמני זאגט צו דיר זאלען זייא נעמען דיא בוימאייל. אבער ניט צו מיר. ווארום איך דארף ניט די ליכטיגקייט פון דר מנורה ווארום דער טיש מיט דיא צוועלף חלות זענען גישטאנען אין צפון זייט. אונ דיא מנורה איז גישטאנען אין דרום זייט. דאס איז אסימן אז איך דארף ניט דיא ברויט צום עסין אונ ניט דיא מנורה צום לייכטען. ווארום אז איך וואלט גידארפט עסין אונ ליכטיגקייט וואלט איך גיהייסען שטעלין דיא מנורה נעבין דעם טיש. רבי זריקא האט גזאגט פון רבי אלעזר וועגין גאט דארף ניט עסין אונ דארף ניט קיין ליכטיגקייט: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער האט גימאכט צום בית המקדש פענסטער שקופים אטומים. מיר האבען גילערנט דיא פענסטער זענען גיוועזן שקופים וברייטן פון אויס ווייניג. אונ אטומים ושמאלו פון אינווייניג. אלע פענסטער וואס ווערין גימאכט דיא ליכטיגקייט זאל אריין גיין פון גאס אין שטוב. זענען זייא שמאל

זאטומים מבחוץ לא לאורה אני צריך (ויקרא כד) מחוץ לפרכת העדות באהל מועד עדות היא לכל באי עולם ששכינה שרויה בישראל וא"ת לאורה אני צריך והלא כל אותם השנים שהלכו ישראל במדבר לא הלכו אלא לאורו אלא עדות היא לכל באי עולם שהשכינה שרויה בישראל מאי עדותה אמר רבא זה נר מערבי שנותן בה שמן כמדת חברותיה וממנה היה מדליק ובה היה מסיים :

(דף פז) **ד** **ואין** מביאין לא מתוק ולא מבושל וכו')

[פיסקא אין מביאין יין למקדש וכו' אלא מן הרגליות ומן הכרמים העבודין] תנא כרמים העבודים פעמים בשנה רב יוסף הוה ליה קרנא דפרדס דרפיק ביה טפי ריפקא ועבד חמרא דדרי מיא על חד תרין

אבל היכל קצר מבפנים ומרחיב והולך לצד חוץ מדי שתצא אורה מן ההיכל ותאיר לעולם כי לא לאורה אני צריך : עדות היא . המנורה ולקמיה מפרש מאי עדותה : נר מערבי . נר אמצעי היה פונה פיו כלפי מערב וכל שאר הנרות היו פיהם כלפי נר מערבי כדאמרינן בפרק שתי הלחם : וממנה היה מדליק . את שאר הנרות שבבקר היו כולן כבות חוץ ממנה ומטיבן שמנערן מן הדשן כדכתיב בבקר בבקר בהיטיבו וגו' ונר מערבי דולק כל היום ולערב היה מדליק ממנו שאר הנרות : מסיים . דלאחר הדלקת שאר הנרות היה מכבה אותה ומטיבה ונותן בה שמן :

העבודים . חפורים פעמים : דרפיק ביה טפי ריפקא . שחפרו פעמים : דדרי מיא על חד תרין : שהיה יכול למזגו במים כפלים בו

אויס ווייניג אונ ברייט אינווייניג . אונ דיא פענסטער פון בית המקדש זענען געווען ברייט אויס ווייניג אונ שמאל אינווייניג . ווייל דיא ליכטיגקייט איז ארויס גיגאנגען פון בית המקדש אויף דער וועלט . אבער אין בית המקדש האט מען ניט גידארפט קיין ליכטיגקייט . ווארום גאט דארף ניט דיא מענשליכע ליכטיגקייט . עס שטייט אין פסוק דיא מנורה זאל שטיין מחוץ לפרכת העדות באוהל מועד . דיא מנורה איז א עדות פאר דיא גאנצע וועלט אז דיא שכינה רוהט צווישען יודען . טאמער וועסטו זאגען אז גאט דארף דיא ליכטיגקייט פון דיא מנורה . די גאנצע פערציג יאהר וואס דיא יודען זענען גיגאנגען אין דער מדבר זענען זייא דאך גיגאנגען פאר דיא ליכטיגקייט פון גאט קען דאך גאט זיך אליין ליכטיג מאכען אונ ער דארף ניט אמענטש זאל פאר איהם ליכטיג מאכען . נאר צו וואס דען האט מען גימאכט דיא מנורה . ווייל דיא מנורה איז א עדות פאר דיא גאנצע וועלט אז דיא שכינה רוהט צווישען יודען . וויא אזוי איז דיא מנורה א עדות אויף דיא שכינה : האט רבא גזאגט דאס מיינט מען דיא ליכט פון מערב זייט מנורה . אין דעם רעריל פון מערב זייט האט דער כהן אריין גיגאסען בוימאייל גלייך ווי אין אלע רערלאך אונ פון איר האט ער אן געצונדען אונ ביי איר האט אויס גילאזט . אזוי איז גיוועזן . פארין נאכט האט דער כהן אן גיגאסען אלע רערלאך בוימאייל אונ האט אן גיצונדען דיא קנייטלאך . אין דער פריה אז דער כהן איז געקומען אין בית המקדש : האט ער גיטראפען זעקס קנייטלאך זענען פארלאשען : ווייל אין דיא רערלאך איז שוין ניט גיוועזן קיין בוימאייל . האט ער ארויס גענומען דיא אלטע קנייטלאך אונ האט ריין געמאכט דיא רערלאך . אונ האט אריין גישטעקט נייע קנייטלאך . אונ דער קנייטל וואס אין מערב זייט האט נאך גיברענט אגאנצען טאג ביז פארין נאכט . פארין נאכט האט ער פון דעם קנייטל אן גיצונדען אלע זעקס קנייטלאך : אונ הט דעם קנייטל אויס גילאשען . אונ הט אים ארויס גינומען . אונ הט ריין גימאכט דעם רעריל אונ הט אריין גישטעקט אנייעם קנייטול אונ הט אים אן גיצונדען . אונ אזוי איז גיוועזן אלע טאג : הט דאך דער זיבעטער קנייטול גיברענט דורך אגנס דס איז גיוועזן אעדות אז די שכינה רוהט צווישען יודען :

ד אין . מען ברייגגט ניט אין בית המקדש ניט זיסען ווין אונ ניט גיקאכטען ווין : אונ מען ברייגגט ניט אין בית המקדש ווין נאר פון דיא ווינשטאקין וואס וואקסען נידעריג נעבין דיא פים . אונ פון דיא וויינגערטנער וואס זענען בעארבעט גיווארין . מיר האבען גילערנט וואס מיינט מען בעארבעט גיווארען . עס איז גיגראבען גיווארען ארום דיא ווינשטאקין צוויי מאהל אין יאהר . רב יוסף האט גיהאט אווינקול פון אוויין גארטען וואס מען האט גיגראבען ארום דיא ווינשטאקין מער וויא מען גראבט ארום אלע אנדערע ווינשטאקין . איז גיוואקסען ווין

תרין. פיסקא. כיצד בודק גזבר יושב וקנה בידו זרק הגיד הקיש בקנה תנא זרק הגיד של שמרים גזבר הקיש בקנה ולימא ליה מימר מסייע ליה לר"י דא"ר יוחנן כשם שהדבור יפה לבשמים כך דבור רע ליין. ת"ר אילים ממואב כבשים מחברון עגלים משרון גוזלות מהר המלך ר' יהודה אומר מביאין כבשים שגבהן כרחבן אמר רבא בר רב שילא מ"ט דרב יהודה דכתיב (ישעיה ל) ירעה מקניך ביום ההוא כר נרחב:

יין אחר דיין דעלמא דרי על חד תלתא וזה מקבל על חד ששה והיינו על חד תרין דיין אחר: זרק גיד. כשהתחיל לצאת אותו לבן שבתוך היין שלף על השמרים: הקיש הגזבר על גבי הכד והפותח זה מיד וזה היה סימנו שלא היה רוצה לדבר כל זמן שמוציאים היין: שגבהן כרחבן. שהיו רחבין מרוב שמנונית כמו גבהן והיינו כר נרחב: שומרים. מלאכים: מאי אמרי. הנך שומרים: ומעיקרא. קודם חורבן מאי הוו אמרי כי בחר ה' בציון הוא למושב לו אף לעתיד לבוא עתידים המלאכים להיות שומרים ואמר כי בחר וגו':

ה כתיב (ישעיה סב) על חומותיך ירושלים הפקדתי שומרים כל היום וכל הלילה תמיד לא יחשו המזכירים את ה' אל דמי לכם מאי אמרי אמר רבא בר רב שילא (תהלים קב) אתה תקום תרחם ציון כי עת לחננה כי בא מועד רב נחמן בר יצחק אמר (שם קמז) בונה ירושלים ה' נדחי ישראל יכנס ומעיקרא מאי הוו אמרי אמר רבא בר רב שילא (שם קלב) כי בחר ה' בציון אוה למושב לו:

רבי

וואס מען האט אויף אים גיקענט ארויף גיהען וואסער צוויי מאל אזוי פיל ווי מען גיסט ארויף אויף אנדערע ווין. אויף אלע ווייגען האט מען גיקענט ארויף גיסען וואסער דריי קוואטירלאך אויף איין קוואטירול וויין. אונ אויף דעם ווין הט מען גיקענט ארויף גיסען זעקס קוואטירלך וואסער אויף איין קוואטירול וויין. וויא אזוי האט מען גיפרובט דעם ווין. דער גבאי איז גיזעסען אונ האט גיהאלטען א רער אין האנט. אז דאס ווייסע וואס אויף דיא הייוון אונטער דיא ווין איז ארויף גיקומען פון הויבען אויף דעם ווין. הט דער גבאי א קלאפ גיטאהן מיט דיא רער. הט דער אנדערער געוואוסט אז מען דארף פאר שפונדעווען די פאס. מיר האבען אויך אזוי גילערנט אז דאס ווייסע וואס אויף דיא הייוון איז ארויף גישוואומען אויף דעם ווין. הט דער גבאי גיטאהן א קלאפ מיט דיא רער. האט דער אנדערער געוואוסט אז מען דארף פאר שפונדעווען דיא ווין. פרעגט דיא גמרא צו וואס דארף דער גבאי א קלאפ טאהן. זאל ער זאגען צום אנדערין פאר שפונדעווע דיא פאס. ענפערט דיא גמרא פון דאגען וועט זיין א בעווייזונג צו רבי יוחנן. וואס ער זאגט אזוי וויא דאס ריידען איז גוט צוא בשמים. אזוי איז דאס ריידען שלעכט צום ווין. דיא רבנן האבען גילערנט אילים האט מען גיברייגגט פון מואב. שעפסין פון חברון. קעלבער פון שרון. טאהבין פון הר המלך. רבי יהודה זאגט מען האט גיברייגגט שעפסין וואס זענען גיוועזן ברייט אזוי וויא הויך. ווייל זייא זענען גיוועזן שטארק פעט. רבא בר רב שילא זאגט פון וואנען ווייס דאס רבי יהודה. ווארום עס שטייט אין פסוק דיינע בהמות וועלין זיך פיטערין אין דעם טאג אונ זייא וועלין זיין ברייט אזוי וויא א ברייטער פלאץ פון פעטקייט:

ה כתיב. עס שטייט אין פסוק אויף דיינע מאהערין ירושלים האב איך גישטעלט היטערס (מלאכים) אגאנצען טאג אונ אגאנצע נאכט אייביג וועלין זייא ניט שווייגען דיא וואס דער מאנען גאט צו אייך זאל ניט זיין קיין שווייגונג. וואס זאגען זייא. רבא בר רב שילא זאגט זיי זאגען דעם פסוק דוא זאלסט אויף שטיין רחמנות האבען אויף ציון. ווארום עס איז שוין צייט רחמנות צוא האבען אויף איר עס איז שוין גיקומען דיא צייט. רב נחמן בר יצחק זאגט דעם פסוק זאגען זייא גאט זאל באהען ירושלים דיא פאר שטויסענע יודען זאל ער פאר זאמלען. אונ פריער איידער דער בית המקדש איז חרוב גיווארען וואס פלעגין די מלאכים זאגען. רבא בר רב שילא זאגט זייא פלעגין זאגען דעם פסוק גאט האט אויס דער וויילט אין ציון ער האט גיגלוסט צו זיצען אין ציון

שתי מדות פרק עשירי

דף פח ע"ב) **א** רבי יהושע בן קרחה אומר מנורה באה מן הככר ואין מלקחיה ומחתותיה נרותיה באין מן הככר ואלא מה אני מקיים (שמות כה) את כל הכלים האלה שהיו כלים של זהב. זהב בדריא כתיב בה (שם) ועשית את נרותיה שבעה והעלה את נרותיה והאיר על עבר פניה ומלקחיה ומחתותיה זהב טהור. לא נצרכה אלא לפי נרות סד"א הואיל ופי נרות אשהורי משחר התורה חסה על ממונן של ישראל וליעביד זהב כל דהו קמ"ל:

(דף פט) **ב** **ת"ר** (שמות כז) מערב עד בקר תן לה מדתה שתהא דולקת והולכת מערב עד בקר ד"א מערב עד בקר אין לך עבודה שכשרה מערב עד בקר אלא זו בלבד ישיערו חכמים חצי לוג כאורתא ועד צפרא א"ד מלמעלה למטה שיערו וא"ד מלמטה למעלה

לפי נרות. במקום שהפתילה דולקת: וליעביד זהב כל דהו. לאותן פי נרות ולא ליבעי זהב טהור קמ"ל דל"יך זהב טהור:

שכשרה מערב ועד בקר. שהא כשרה אחר התמיד של בין הערבים ואחר כל הטב דות אלא זו: ושיערו חכמים חצי לוג מאורתא. והיכי שיערו: א"ד מלמעלה למטה שיערו. שבתחלה נתנו במן בנר ונשתייר בבקר ובלילה השני פיחתו עד ששיערו הדבר שלא היה צריך יותר מחצי לוג אפילו בליל ארוך וכן עושין אפילו בליל קצר ומה שנשתייר בבקר זורק להון וא"ד בקין היה עושה פתילה עבה ובחורף היה פתילה דקה כדי שיכלה

פרק עשירי

א רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן קָרְחָה זָאגְט דִיא מְנוֹרָה אַרַיין אִיז גִיוֶוען אַצְענְטְנֶער גָאלְד. אָבֶּער דִיא צְוויינְגְלַאךְ אָן צוּ נֶעמֶען דִיא קְנֵייטְלַאךְ אוּנ דִיא שׁוּפְלֶעס אַרוֹיס צוּא שַׁארִין דִיא אַשׁ אוּנ דִיא רֶערְלַאךְ. זֶענֶען נִיט גִיוֶוען פוּן דֶעם צֶענְטְנֶער. נָאר פוּן בַּזוּנְדֶערֶע גָאלְד. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא עֶס שְׁטֵייט דָאךְ דוּא זָאלְסְט מַאכֶען דִיא מְנוֹרָה אוּנ דִיא אַלֶע כֵּלִים. עֶנְפֶערְט דִיא גְמָרָא מֶען מֵיינְט דִיא אַלֶע כֵּלִים זָאלֶען אוֹיךְ זַיין פוּן גָאלְד. אָבֶּער נִיט פוּן דֶעם צֶענְטְנֶער: פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא אַז דִיא כֵּלִים פוּן דִיא מְנוֹרָה זָאלֶען זַיין פוּן גָאלְד שְׁטֵייט דָאךְ אִין אַבַּזוּנְדֶער פָּסוּק דוּא זָאלְסְט מַאכֶען זִיבֶּען רֶערְלַאךְ אוּנ דוּא זָאלְסְט אָן צִינְדֶען וְדִיא קְנֵייטְלַאךְ וָואס אִיז דִיא רֶערְלַאךְ אוּנ זֵיי זָאלֶין לַייכְטֶען צוּ דֶער זַייט פוּן דִי מִיטֶעלְסְטֶע רֶער אוּנ אִירֶע צְוויינְגְלַאךְ אוּנ אִירֶע שׁוּפְלֶעס זָאלֶען זַיין פוּן רֵיין גָאלְד. עֶנְפֶערְט דִיא גְמָרָא דֶער אַנְדֶערֶער פָּסוּק דֶער צֵיילְט אוּנְז אַז דִיא שְׁפִּיצֶען פוּן דִיא רֶערְלַאךְ וואוּ דֶער פַייֶער בְּרֶענְט אִיז אוֹיךְ גִיוֶוען פוּן רֵיין גָאלְד. אִיךְ וָואלְט מֵיינֶען ווַיי דִיא שְׁפִּיצֶען פוּן דִיא רֶערְלַאךְ וֶוערִין שְׁוַוארְץ פוּן דֶעם פַייֶער הָאט דִיא תּוֹרָה הַחֲמָנוּת גִיהַאט אוֹיף יִדִישֶׁע גֶעלְט מֶעג מֶען זֵיי מַאכֶען פוּן פְּרָאסְטֶע גָאלְד אוֹיךְ. זָאגְט אוּנְז דֶער פָּסוּק אַז אַלֶץ מוּז גִימַאכְט וֶוערִין פוּן רֵיין גָאלְד:

ב תָּנוּ רַבָּנָן. דִיא רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערְנְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק פוּן נָאוִוינְט בִּיז פְרִיה. דוּא זָאלְסְט אַרַיין גִיסֶען אַזוֹי פִיל בּוֹימֶאֵייל אִין דִיא רֶערְלַאךְ עֶס זָאל בְּרֶענֶען פוּן אָוֶוענְד בִּיז פְרִיה. אָדֶער אַזוֹי מֵיינְט מֶען פוּן אָוֶוענְד וִויא מֶען הָאט גִישָׁאכְטֶען דֶעם תָּמִיד פוּן פַארִין נַאכְט בִּיז אִין דֶער פְרִיא טָאר מֶען נִישְׁט טָאהן קֵיין זַאךְ אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ נָאר דִי מְנוֹרָה אָן צוּ צִינְדֶען. אוּנ דִיא חֲכָמִים הָאבֶּען בַּרֶעכוּנְט דִיא מְנוֹרָה זָאל בְּרֶענְעֶן פוּן אָוֶוענְד בִּיז פְרִיה דַארְף מֶען אַרַיין גִיסֶען בּוֹימֶאֵייל אִין יְעדֶער רֶערִיל אַהַאלְבֶּע קְוָוארְט. אַנְדֶערֶע זָאגֶען מֶען הָאט בַּרֶעכוּנְט פוּן מֶער אוֹיף וֶוינִיגֶער. פְרִיעֶר הָט מֶען אָן גִיגָאסֶען אַפוּלֶע רֶערִיל בּוֹימֶאֵייל אִיז גֶעבְּלִיבֶּען. הָט מֶען דִיא אַנְדֶערֶע נַאכְט אָן גִיגָאסֶען וֶוינִיגֶער. אִיז אוֹיךְ גֶעבְּלִיבֶּען. בִּיז מֶען הָאט גִיזֶעהן אַז צוּא דִיא גְרֶעסְטֶע נַאכְט פוּן וִוינְטֶער דַארְף מֶען אַהַאלְבֶּע קְוָוארְט בּוֹימֶאֵייל. אַנְדֶערֶע זָאגֶען מֶען הָאט בַּרֶעכוּנְט פוּן וֶוינִיגֶער אוֹיף מֶער. פְרִיעֶר הָאט מֶען אָן גִיגָאסֶען בּוֹימֶאֵייל נָאר אַקְוָואטִירוּל. אוּנ מֶען אִיז גִישְׁטַאנֶען דֶער בַּיי אוּנ מֶען הָאט גִיזֶעהן אַז אַקְוָואטִירוּל הָאט נָאר גִיבְּרֶענְט בִּיז הַאלְבֶּע נַאכְט הָאט מֶען צוּא גִיגָאסֶען נָאךְ אַקְוָואטִירוּל. אִיז גִיוָוארֶען אַהַאלְבֶּע קְוָוארְט. צוּא דִיא גְרֶעסְטֶע נַאכְט פוּן וִוינְטֶער. אוּנ אַזוֹי גִיסְט מֶען אַרַיין אַלֶע נַאכְט אַהַאלְבֶּע

למעלה שיערו מ"ד מלמטה למעלה שיערו התורה חסה על ממונם של ישראל ומ"ד מלמעלה למטה שיערו אין עניות במקום עשירות :

שתי הלחם פרק אחד עשר

(דף לט) **א מנא** לן דמעלין בקדש אמר רב אחא בר יעקב דאמר קרא (במדבר יז) את מחתות החטאים האלה בנפשותם ועשו אותם רקעי פחים צפוי למזבח וגו' בתחלה תשמישי מזבח ועכשיו גופו של מזבח . (דברים י) אשר שברת ושמתם בארון תני רב יוסף מלמד שהלוחות ושברי הלוחות מונחים בארון . מכאן לת"ח ששכח תלמודו מחמת אונסו שאין נוהגים בו מנהג בזיון . אמר ריש לקיש פעמים (ע"ב) שבטולה של תורה זו היא יסודה דכתיב (שמות לד) אשר שברת אמר לו הקב"ה למשה יישר כחך ששברת . ואמר ריש לקיש ת"ח שסרח אין מבזין אותו בפרהסיא שנאמר

פירוש

דקין נמי בהכי : וא"ד ממטה למעלה . שבתחלה נתנו רביעית ועמדו שם וראו שאין כפק וחזרו הוסיפו עד חצי לוג : מ"ד ממטה למעלה התורה חסה על ממונן של ישראל . שאילו היו מוזגין בה לוג לכתחלה ומה שמשייר למחר היו שופכין לאין אוכלת הכרן : אין עניות במקום עשירות . אין חוששין במה ששופך להון :

אשר שברת ושמתם בארון . משמע ששברים יהיו בארון : שבטולה של תורה . כגון שמבטל תורה להוצאת המת ולהכנסת כלה : זהו יסודה . כלומר מקבל שכר כאילו יושב ועוסק בתורה : אשר שברת . ולא א"ל בלשון כעס ש"מ הסכימה עמו דעת שכינה כשביטל תורה ושברה משום דמתכוין לטובה (שנשא מעשה ק"ו בעצמו ומה פסח שאינו אלא מצוה אחת אמרה תורה כל בן נכר לא

קווארט בוימאייל . אונ אין דיא קליינע זומער נעכט אז עס בלייבט בוימאייל . גיסט מען דאס אריין אין אבזונדער פאס אונ אין דעם רעגיל גיסט מען אריין אפרישע האלבע קווארט בוימאייל . אדער זומער מאכט מען אגראבען קנויט עס זאל אוים ברענען ביז טאג דיא גאנצע בוימאייל . דער וואס זאגט מען האט גירעכונט פון ווייניגער אויף מער . ווייל דיא תורה האט רחמנות אויף יודישע געלט דריבער האט מען ניט גיוואלט אן גיסען דאס ערשטע מאהל אפולע רעגיל בוימאייל . טאמער ווערט בלייבען וועט מען דארפען אוועק גיסען . אונ דער וואס זאגט מען האט גירעכונט פון מער אויף ווייניגער . ווייל עס איז ניט שיין מען זאל אין בית המקדש קארג זיין אויף אביסול בוימאייל . מען דארף ניט ווייזען ארעמקייט ביי אדייכע מענטשין . אונ אין בית המקדש ביא דיא רייכקייט פון גאט דארף מען געווים ניט ווייזען קיין ארעמקייט פון אביסול בוימאייל :

פרק אחד עשר

א מנא לן . פון וואנען ווייסען מיר אז ביא הייליגקייט דארף מען אלע מאהל פאר בעסערין ; האט רב אחא בר יעקב גזאגט ווארום עס שטייט אין פסוק דיא פייער פאנען פון דיא מענטשין וואס האבען פאר זינדיגט זייערע נשמות זאר מען פון זייא מאכען בלעכין אונ מען זאל בדעקין דעם מזבח . פריער זענען דיא פייער פאנען גיוועזן אניצונג צום מזבח . אונ איצט איז פון זייא גיווארין דער מזבח אליין . זענען זייא דאך פאר בעסערט גיווארין . עס שטייט אין פסוק דיא וואס דוא האסט צוא בראכען זאלסטו זייא טאהן אין ארון . האט רב יוסף גילערונט פון דאנען ווייסען מיר אז דיא גאנציע לוחות אונ דיא צוא בראכענע לוחות זענען גילעגין אין איין ארון . פון דאנען ווייסען מיר אז אתלמיד חכם האט פאר געסין זיין לערנען דורך אאומגליק . למשל ווייל ער איז קראנק גיוועזן ; טאר מען איהם ניט פר שעמען . ריש לקיש זאגט אמאהל קען זיין אז דאס שטערונג פון לערנען איז דער פונדאמענט פון יא לערנען . ווארום עס שטייט אין פסוק אשר שברת . גאט האט גזאגט צו משה זאל גישטארקט ווערין דיין כח ווייל דוא האסט דיא לוחות צוא בראכען . ווארום אז דיא יודען האבן גיזעהן אז דורך זייער זינד זענען דיא לוחות צוא בראכען גיווארין . האבען זייא תשובה גיטאהן . נאך האט ריש לקיש גזאגט אז אתלמיד חכם האט געזינדיגט טאר מען איהם ניט פר שעמען פאר מענטשין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא וועכט גישטרויכעלט ווערין ביי טאג אונ

שנאמר (הושע ד) וכשלת היום וכשל גם נביא עמך לילה כסהו כלילה . ואמר ריש לקיש כל המשכח דבר אחד מתלמודו עובר בלאו שנאמר (דברים ד) רק השמר לך ושמור נפשך מאד פן תשכח את הדברים וכדר' אבין א"ר אלעאי דא"ר אבין א"ר אלעאי כל מקום שנאמר השמר פן ואל אינו אלא לא תעשה רבינא אמר עובר בשני לאוין השמר ופן רב נחמן בר יצחק אמר בג' לאוין השמר לך ושמור נפשך מאד פן תשכח יכול אפילו מחמת אונסו ת"ל ופן יסורו מלבבך במסירה מלבו הכתוב מדבר ר' דוסתאי ברבי ינאי אומר יכול אפילו תקפה עליו משנתו ת"ל רק רבי אלעזר ור' יוחנן דאמרי תרווייהו תורה ניתנה בארבעים יום ונשמתו נוצרה לארבעים יום כל המשמר את התורה נשמתו משתמרת וכל שאינו משמר את התורה אין נשמתו משתמרת תני דבי ר' ישמעאל כשל לאדם שמסר צפור דרור לעבדו א"ל כמדומה אתה שאם אתה מאבדה איסר אני נוטל ממך בדמיה נשמתך אני נוטל ממך :

יאכל בו כל התורה וישראל לדוקים עאג"ו בפרק הבא על יבמתו) : תקפה . בנא יכול להעמיד גירסא ורק מיעוט הוא : נוצרה במ' יום . גמר צורת הולד במ' יום במסכת נדה :

דער נביא וועט געשטרויכעט ווערין מיט דיר ביא נאכט . וואס מיינט מען ביי נאכט . דוא זאלסט פאר דעקין דיא עבירה פון דעם נביא . קיינער זאל פון איר ניט וויסען . אזוי וויא די נאכט דעקט צו אויף אלץ . נאך האט ריש לקיש גזאגט דער וואס פאר געסט איין זאך פון זיין לערנען . איז ער עובר אויף אלאו . ווארום עס שטייט אין פסוק רק השמר לך ושמור נפשך מאוד פן תשכח את הדברים . נאר דוא זאלסט דיך היטען אונ דוא זאלסט היטען דיין נפש טאמער וועסטו פאר געסין דיא רייד . אונ רבי אבין האט גזאגט פון רבי אלעאים וועגין וואו עס שטייט דער ווארט השמר אדער דער ווארט פן אדער דער ווארט אל . דאס איז אלאו . אונ אז מען טוהט ניט אזוי . איז מען עובר אויף אלאו . רבינא זאגט דער וואס פאר געסט זיין לערנען איז ער עובר אויף צווייא לאוין . השמר איז איין לאו . אונ פן איז נאך אלאו . רב נחמן בר יצחק זאגט ער איז עובר אויף דריי לאוין . ווארום אין פסוק שטייט השמר אונ שמור אונ פן . איך וואלט מיינען אפילו אים האט גיטראפען אאומגליק . למשל ער איז קראנק גיוועזן . אונ פון דער קרינק האט ער פאר געסין דאס לערנען . זאל ער אויך עובר זיין אויף אלאו . שטייט אין פסוק ופן יסורו מלבבך . טאמער ווערין דיא רייד אפ גיטאהן ווערין פון דיין הארץ . דער פסוק שמועסט נאר אז ער טוהט אליין אפ דיא תורה פון זיין הארץ . ער האט גיקענט לערנען אונ האט ניט גיוואלט לערנען ביז דיא תורה איז פון איהם פאר געסין גיווארין . איז ער עובר אויף דיא אלע לאוין . אבער אז זייא זענען פאר געסין גיווארין דורך אאומגליק איז ער ניט עובר אויף קיין לאו . רבי דוסתאי ברבי ינאי זאגט איך וואלט מיינען אפילו דאס לערנען האט זיך גישטארקט אויף אים . עס איז אים שווער גיוועזן צו פאר שטיין דאס לערנען . דריבער איז פון איהם דם לערנען פאר געסין גיווארען ; זאל ער אויך עובר זיין אויף אלאו . שטייט אין פסוק רק השמר . דער ווארט רק איז איבעריג . צו זאגען נאר אז ער האט אליין אפ גיטאהן פון זיך דאס לערנען איז ער עובר אויף אלאו . אבער אז דאס לערנען איז פון איהם פאר געסען גיווארין ווייל ער האט דאס לערנען ניט גוט פאר שטאנען . איז ער ניט עובר אויף אלאו . רבי אלעזר אונ רבי יוחנן זאגען ביידע דיא תורה איז גיגעבין גיווארין אין פערציג טעג . אונ דיא נשמה איז בשאפען גיווארין צו פערציג טעג . דער וואס היט די תורה ווערט אין איהם געהיט זיין נשמה . אונ דער וואס היט ניט דיא תורה . ווערט ניט געהיט אין איהם זיין נשמה . דבי רבי ישמעאל האט גילערנט דאס איז גלייך צוא אמענטשין וואס ער האט גיגעבין צו זיין קנעכט אפויגעל ער זאל איר היטען . אונ דער בעל הבית זאגט צום קנעכט דוא מיינסט אויב דוא וועסט פאר לירען דעם פויגעל וועל איך ביי דיר נעמען אגילדען פר דעם פויגעל . ביין נשמה וועל איך ביי דיר נעמען פר דעם פויגעל . אזוי זאגט גאט אויב דו וועסט ניט היטען תורה אונ מצות וועל איך ביי דיר נעמען דיין נשמה :

ב א"ר אמי מדבריו של ר' יוסי למדנו אפילו לא שנה אדם אלא פרק אחד שחרית ופרק אחד ערבית קיים מצות (יהושע א) לא ימוש ספר התורה הזה מפיך. א"ר יוחנן משום ר' שמעון בן יוחאי אפי' לא קרא אדם אלא קריאת שמע ערבית ושחרית קיים מצות לא ימוש ודבר זה אסור לאמרו בפני ע"ה ורבא אמר מצוה לאמרו בפני עמי הארץ. שאל בן דמא בן אחותו של ר' ישמעאל את ר"י כגון אני שלמדתי את כל התורה כלה מהו שאלמד חכמת יונית קרא עליו המקרא הזה לא ימוש ספר התורה הזה מפיך והגית בו יומם ולילה צא ובדוק אי זו היא שעה שאינה לא מן היום ולא מן הלילה ולמוד בה חכמת יונית ופליגא דרשב"נ דארשב"נ א"ר יונתן פסוק זה לא מצוה ולא תובה אלא ברכה ראה הקב"ה את יהושע שדברי תורה חביבין עליו ביותר שנאמר (שמות לג) ומשרתו יהושע בן נון נער לא ימיש מתוך האהל א"ל הקב"ה יהושע כל כך חביבין עליך דברי תורה לא ימוש ספר התורה הזה מפיך. תנא דבי ר' ישמעאל ד"ת לא יהו עליך תובה

פירוש: מדבריו של ר' יוסי. שאמר אפילו סילק את הישנה בשחרית וסידר את החדשה ערבית אין נכך כלום פי' לאום הפנים הישן שעמד מעט בשולחן בשחרית והחדשה עמד בערבית מעט קרי ליה תמיד ש"מ אפילו לא שנה אלא פרק אחד וכו': אסור לאומרו. שלא יאמר בק"ש סגי ולא ירגיל את בניו לת"ת: מצוה לאמרו וכו'. דסבר משום ק"ש נוטל שכר גדול כזה כי אז הגלית את דרכיך ואז תשכיל אם היה עוסק כל היום כ"ש ששכרו גדול ומרגיל את בניו לתורה. ל"א סברי הנך רבנן דמאי פטרי נפשייהו בק"ש ויתיבו כולי יומא וגרסי ש"מ שכר גדול יש: צא ובדוק. כלומר דבר שלא ישא לעולם: ופליגא. הך דרבי ישמעאל דאמר הוי"ה ללמוד כל היום: כל כך חביבין וכו' לא ימוש. הבטיחו שלא תשכח תורתו הימנו: לא

ב אמר. רבי אמי האט געזאגט פון דיא רייד פון רבי יוסי לערנען מיר אפ אפילו איין מענטש האט מער ניט געלערנט נאר איין פרק אין דער פרנא אונ איין פרק ביא נאכט האט ער מקיים געוועזן דיא מצוה וואס דער פסוק זאגט דיא תורה זאל ניט אפ געטאהן ווערין פון דיין מויל. ווארום עס איז גלייך וויא ער וואלט געלערנט אגאנצען טאג אונ אגאנצע נאכט. רבי יוחנן זאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין אפילו אמענטש האט ניט מער געלייענט נאר קריאת שמע איין מאהל אין דער פריא אונ איין מאהל ביא נאכט. האט ער שוין מקיים געוועזן דיא מצוה וואס דער פסוק זאגט דיא תורה זאל ניט אפ געטאהן ווערין פון דיין מויל. ווארום עס איז גלייך וויא ער וואלט געלערנט אגאנצען טאג אונ אגאנצע נאכט. אונ דיא זאך טאר מען ניט זאגען פאר איין עם הארץ. ווארום דער עם הארץ וועט זאגען אז קריאת שמע לייענען אליין איז גינוג: צו וואס זאל איך מיינע קינדער געבען לערנען תורה. אונ רבא זאגט עס איז אמצוה מען זאל דאס זאגען פאר אעם הארץ. ווארום דער עם הארץ וועט זאגין מאדאך פאר קריאת שמע אליין האט מען צו געזאגט אז מען וועט גליקלאך זיין. וויא גרויס וועט שוין זיין דער גליק אז מען וועט לערנען דיא גאנצע תורה דריבער וועט ער זעהן אז זיינע קינדער זאלען לערנען תורה. בן דמא דער זוהן פון רבי ישמעאלס שוועסטער האט גיפרעגט ביא רבי ישמעאל אזוי וויא איך וואס איך האב גילערנט דיא גאנצע תורה. מעג איך לערנען חכמת יונית. אדער ניין. האט רבי ישמעאל אויף איהם גילייענט דעם פסוק דיא תורה זאל ניט אפ גיטאהן ווערין פון דיין מויל אונ דוא זאלסט ריידען אין דער תורה טאג אונ נאכט. גייא זעה וועלכע צייט עס איז ניט טאג אונ ניט נאכט. וועסטו דיא צייט לערנען חכמת יונית. ווא איז הען דא אצייט וואס איז ניט טאג אונ ניט נאכט. טאר מען קיין מאהל ניט לערנען קיין אנדער זאך נאר תורה. אונ רבי ישמעאל וואס ער זאגט אז מען מוז לערנען טאג אונ נאכט קריגט ער אויף רבן שמעון בן גמליאל. ווארום רבן שמעון בן גמליאל האט גזאגט פון רבי יונתן וועגין דער פסוק איז ניט קיין מצוה אונ ניט קיין מוז. נאר אברכה. גאט האט גיזעהן אז יהושע האט זייער שטארק ליב דיא תורה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זיין בעדינער יהושע בן נון האט זיך ניט אפ גיטאהן פון משהם גיצעלט. ווייל ער האט גיוואלט הערין תורה פון משה טאג אונ נאכט. האט גאט גזאגט צו יהושע וויל ביי דיר איז אזוי שטארק ליב דיא תורה. זאג איך דיר אז דיא תורה וועט ניט אפ גיטאהן ווערין פון דיין מויל. דבי רבי ישמעאל האט

חובה ואי אתה רשאי לפטור עצמך מהן :

ג אמר חזקיה מ"ד (איוב לו) ואף הסיתך מפי צר רחב לא מוצק תחתיה וגו' בא וראה שלא כמדת הקב"ה מדת בשר ודם מדת ב"ו אדם מסית את חברו מדרכי חיים לדרכי מיתה והקב"ה מסית את האדם מדרכי מיתה לדרכי חיים שנאמר ואף הסיתך מפי צר גיהנם שפיה צר שעשנה צבור (דף ק) בתוכה ושמא תאמר בשם שפיה צר כך כולה צרה ת"ל (ישעיה ל) העמיק הרחיב ושמא תאמר למלך לא הוכנה ת"ל (שם) גם היא למלך הוכן ושמא תאמר אין בה עצים ת"ל מדורתה אש ועצים הרבה ושמא תאמר זה שכרה ת"ל (איוב לו) ונחת שלחנך מלא דשן :

יהא עליך חובה. כאדם שיש לו חוב ואומר מתי אפרעהו ואפטר כן לא יאמר אדם אשנה פרק א' ואפטר שאי אתה רשאי לפטור עצמך מהם :
הסתת אדם אינה אלא לרעה כמו כי יסיתך אחיך בן אמך וגו' : אף הסיתך. הקב"ה ללמוד תורה כדי להנצל מגיהנם : שפיה צר. שיהא עשן צבור בתוכה ולא יצא חוץ כדי שידונו רשעים בהם ובעשן : העמיק הרחיב. כיון שבא לעוסק מיד הרחיב. בגיהנם משתעי דרישא דקרא כי ערוך מאתמול תפתה : למלך. כלומר לתלמיד שפירש מן התורה לא הוכנה גיהנם שלא יהא נדון בה. מלך היינו ת"ח דכתיב בי מלכים ימלוכו : ושמא תאמר זהו שכרה. של תורה שמצלת מגיהנם אבל שכר אחר אין לה ת"ל וגו' :
הלוקח תבואה משנה לשנה. שאין לו קרקע לזרוע והיינו תליין תלואים שאינו יודע אם יהא לו

המנחות והנסכים פרק שנים עשר

א איך הנן (דף קג ע"ב) (דברים כח) והיו חייך תלואים לך מנגד זה הלוקח תבואה משנה לשנה. ופחדת לילה ויומם זה הלוקח תבואה מערב שבת לערב שבת. ולא תאמין בחייך

גילערונט ריא וואלסט ניט לערנען תורה ווייל דו מוזט לערנען אונ דו טארסט ניט פטור ווערין פון די תורה נאר דו וואלסט לערנען תורה מיט אפרייאך הארץ ווייל די תורה איז דיין גאנצער גליק אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט :

ג אמר. חזקיה האט גזאגט עס שטייט אין פסוק ואף הסיתך מפי צר רחב לא מוצק תחתיה. קום אונ זעה אז דער פירונג פון גאט איז ניט וויא דער פירונג פון אמענטשין. דער פירונג פון אמענטשין אז איין מענטש רעט אן זיין חבר. רעט ער אים אן ער זאל אוועק גיין פון לעבין צום שטארבען. ער זאל אוועק גיין פון גוטען וועג צום שלעכטען. אבער גאט רעט אן אמענטשין ער זאל אוועק גיין פון טויט צום לעבין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ואף הסיתך מפי צר. גאט רעט דיך אן דוא זאלסט לערנען תורה אונ זאלסט אוועק גיין פון גיהנם וואס ער האט אאיינגע מויל. פאר וואס איז דיא מויל פון גיהנם איינג. דער רויך זאל זיין פר נאמוקט אינוויינג אונ זאל ניט קענען ארויס גיין. דיא רשעים זאלען געמשפט ווערין אין דעם רויך. טאמער וועסטו זאגען אזוי וויא דיא מויל פון גיהנם איז איינג. אזוי איז דער גאנצער גיהנם איינג : איז דאך אין איהם דא ווייניג רויך. שטייט אין פסוק העמיק הרחיב. וואס טיפער איז ברייטער. אינ טאמער וועסטו זאגען פאר דעם מלך (פאר דעם תלמיד חכם) וואס הט געזינדיגט איז ניט אן גיברייט דער גיהנם. שטייט אין פסוק דער גיהנם איז אן גיברייט פאר דעם מלך (פאר דעם תלמיד חכם) אויך. טאמער וועסטו זאגען אין גיהנם איז ניטא קיין האלץ. שטייט אין פסוק איר פלאם איז פייער מיט פיל האלץ. טאמער וועסטו זאגען אז נאר דאס איז דער שכר פון דעם תלמיד חכם וואס ער וועט ניט זיין אין גיהנם. שטייט אין פסוק דאס רוהונג פון דיין טיש וועט זיין פול מיט פערגעניגען :

פרק שנים עשר

א אמר. רבי יוחנן האט גזאגט עס שטייט אין פסוק דיין לעבין וועט אייגען פון ווייטען. דאס מיינט מען דער וואס דארף קויפען אלע יאהר תבואה פון גאס מיט איין מאהל אויף אגאנץ יאהר אונ ער האט ניט קיין אייגענע פעלדער. איינגט איהם זיין לעבין פון ווייטען. ווארום ער זארגט רעב גאנצען יאהר טאמער וועט ער צום אנדערין יאהר ניט האבען קיין געלט צוא קויפען תבואה. וועט ער שטארבען פון הונגער. אונ דוא וועסט שרעקין נאכט אונ טאג. דאס מיינט

בחייך זה הסומך על הפלטר :
(דף קד ע"ב) ב א"ר יצחק מפני מה נשתנה מנחה שנא' בה (ויקרא ב) נפש אמר הקב"ה מי דרכו להביא מנחה עני מעלה אני עליו כאלו הקריב נפשו לפני . וא"ר יצחק מה נשתנה מנחה שנאמר בה חמשה מיני טיגון הללו משל למלך ב"ו שעשה לו אוהבו סעודה ויודע בו שהוא עני א"ל עשה לי מהן חמשה מיני טיגון כדי שאהנה ממך ·

מעות לשנה הבאה : בפלטר . נחתום : דרכו להביא מנחה שאין לו בהמות : ה' מיני טיגון . סולת מחבת ומרחשת וחלות ורקיקין דמנחת מאפה כל מידי דאית ביה שמן קרי טיגון : שאהנה ממך. כלומר שתקבל לפני כהן : בתחלה כל האומר עלה כו'. בתחלה הייתי שונא את

הרי עלי עשרון פרק שלשה עשר

(דף קט ע"ב) א תניא אותה שנה שמת שמעון הצדיק אמר להם שנה זו הוא מת וכו' :
תניא א"ר יהושע בן פרחיה בתחלה כל האומר עלה לה אני כופתו ונותנו לפני הא-י ועתה כל האומר לירד ממנה אני מטיל עליו קומקום של חמין שהרי שא"ל ברח ממנה וכשעלה בקש להרוג דוד :

תנא

מען דער וואס קויפט תבואה אלע פרייטאג אויף אגאנצע וואך . דארגט ער דיא גאנצע וואך טאמער וועט ער ניט האבען קיין געלט דעם אנדערין פרייטאג צו קויפען תבואה וועט ער שטארבען פון הונגער . אונ דוא וועסט ניט גלויבען דיין לעבין . דאס מיינט מען דער וואס קויפט פארטיגע ברויט אלע טאג פון דעם בעקער · דארגט ער דעם גאנצען טאג טאמער וועט ער ניט האבען קיין געלט אויף מארגין צו קויפען ברויט וועט ער שטארבען פון הונגער ודאס איז נאר יווען אין ארץ ישראל ווס יעדער יוד הט גיהאט זיין אייגענע פעלדער· אונ קויפען ביי אבעקער פארטיגע ברויט הט נאר גיקויפט אארעם מאן :

ב אמר · רבי יצחק האט גזאגט פאר וואס איז אמנחה גיענדערט גיווארין פון אלע קרבנות ביי אלע קרבנות שטייט ניט נפש אונ ביי אמנחה שטייט נפש · נאר גאט האט גזאגט ווער איז דער שטייגער זאל ברייגגען אמנחה אארעם מאן ווייל ער הט ניט קיין בהמות ברייגגט ער אביסול מעהל · רעכען איך אויף איהם גלייך וויא ער וואלט זיין נשמה מקריב גיוועזן פאר מיר · נאך הט רבי יצחק גזאגט פאר וואס איז דא פינף ערליי גיפרעגילטע מנחות · דאס איז גלייך צו אמלך וואס זיין גוטער פריינד האט גיוואלט מאכען פאר איהם אסעודה · אונ דער מלך הט געוואוסט אז ער איז אארעם מאן · האט דער מלך גזאגט מאך פינף ערליי גיפרעגולטע עסין · פון יעדערם מאך נאר אביסול · איך זאל נאר עפעס הנאה האבען · אונ מען וועט זאגען דוא האסט גיגעבין צו דער סעודה פינף ערליי עסין · ווייל גאט ווייס דיא הארץ פון דעם ארעם מאן · צו ער וויל ברייגגען קרבנות נאר ער האט ניט · האט גאט גזאגט ער זאל ברייגגען פינף ערליי גיפרעגולטע מנחות · יעדער מנחה זאל נאר זיין פון אקליין ביסעלע מעהל :

פרק שלשה עשר

א תניא · מיר האבען גילערונט רבי יהושע בן פרחיה האט גזאגט אין אנהייב איידער איך בין גיווארין אנשיא · ווער עס האט גזאגט צו מיר איך זאל ווערין אנשיא בין איך אויף אים אזוי בייז גיוועזן אז איך וואלט איהם בינדען אונ לייגען פאר אלייב · אונ איצט אז איך בין שוין גיווארין אנשיא ווער עס וואלט זאגען צו מיר איך זאל אראפ גיין פון מיינע נשיאות וואלט איך אויף איהם ארויף גיגאסען אקעסיל הייסע וואסער · אונ מיר געפינען אזוי ביי שאול איידער ער איז גיווארען אמלך איז ער אנטלאפען פון דיא מלוכה · אונ דער נאך אז ער איז שוין גיווארין אמלך האט ער גיוואלט הרגנען דוד · ווייל ער האט מורא גיהאט טאמער וועט ער ביי איהם צו נעמען די מלוכה · מיר האבען גילערונט דער נאך וויא דיא זעלנער פון

[תנא לאחר מפלתו של סנהריב יצא הזקיה ומצא בני מלכים שבין יושבין בקרונות של זהב הדירן שלא לעבוד ע"ז שנאמר (ישעיה יט) ביום ההוא יהיו חמש ערים בארץ מצרים מדברות שפת כנען (דף קי) ונשבעות לה' צבאות הלכו לאלכסנדריא של מצרים ובנו מזבח והעלו עליו לשם שמים שנאמר (שם) עיר ההרס יאמר לאחת מאי עיר ההרס יאמר לאחרת כדמתרגם רב יוסף קרתא דבית שמש דעתיד למיחרב אית אמר דהיא הדא מנהון וממאי דעיר ההרס לישנא דשמשא היא דכתיב (איוב ט) האומר להרס ולא יזרח]:

הרבנות וכל האומר לו. כו' ועכשיו מעליתי לגדולה כו'. רבי יהושע בן פרחיה נשיא היה במסכת חגיגה: מדברות שפה כנען. שפת ישראל שיושבים בארץ כנען ושפה דקרא נשבעים בשם ה' צבאות:
דעת זכרים מיושבת עליהם יותר משל נקבות: בני בבל. אין להם עול מלכות כשאר גליות שבכל הארצות:
מכירין את ישראל. מכירים בכבודם הראשון ואין מכבידין עולם: ואת אביהם שבשמים:

(דף קי) ישעיה מג) **ב הביאו** בני מרחוק ובנותי מקצה הארץ. הביאו בני מרחוק אמר רב הונא אלו גליות שבבבל שדעתן מיושבת עליהם כבנים • ובנותי מקצה הארץ אלו גליות שבשאר ארצות שאין דעתן מיושבת עליהם כבנות:

ג אמר רבי אבא בר ר' יצחק אמר רב חסדא ואמרי לה אמר רב יהודה אמר רב מצור ועד קרתגני מכירין את ישראל ואת אביהם שבשמים מצור כלפי מערב ומקרתגני כלפי

סנהריב זענען געבליבען ליגען פרוצלונג טויט נעבין ירושלים. איז דער מלך חזקיהו ארויס גיגאנגען פון ירושלים. אונ האט געפונען קאניגליכע קינדער זיצען אין גאלדענע פורין. האט חזקיהו זייא בשווארין זייא זאלין ניט דינען עבודה זרה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אין דעם טאג וועלין זיין פינף שטעט אין דעם לאנד מצרים וואס זייא וועלין ריידען דיא שפראכע פון [דיא יודען וואס וואוהנען אין דעם לאנד] כנען אונ זייא וועלין שווערין זייא זאלען דינען צו גאט. דער נאך זענען דיא קעניגליכע קינדער גיגאנגען אין דיא שטאט אלכסנדריא פון מצרים: אונ זייא האבען דארט גיבאהט אמזבח. אונ האבען אויף דעם מזבח מקריב גיווען קרבנות צו גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אין דעם טאג וועט זיין אמזבח צו גאט אין לאנד מצרים. צו איין שטאט וועט גזאגט ווערין עיר ההרס. וואס מיינט מען עיר ההרס. זאגט די גמרא אזוי וויא רב יוסף האט גזאגט די שטאט בית שמש וועט חרוב ווערין. אנדערע זאגען אז דיא שטאט בית שמש איז איינע פון דיא פינף שטעט. פון וואנען ווייס איך אז עיר ההרס מיינט מען דיא שטאט בית שמש. ווארום עס שטייט אין פסוק האומר להרס ולא יזרח. ער זאגט צו די זוהן זיא זאל ניט שיינען. חרס איז טייטש דיא זוהן. אונ הרס איז אויך דער טייטש דיא זוהן. ווארום אהי אונ אחי ווערין פאר טאהשט. אונ שמש איז אויך דער טייטש די זוהן. דריבער איז עיר ההרס די שטאט בית שמש. אונ ווייל עס שטייט ניט עיר ההרס נאר עס שטייט עיר ההרס. אונ הרס איז דער טייטש צו פירט ווערין. דריבער דרשנת די גמרא ד שטאט בית שמש וועט צו פירט ווערין:

ב הביאו. עס שטייט אין פסוק איר זאלט ברייגגען מיינע זיהן פון ווייטען אונ מיינע טעכטער זאלט איר ברייגגען פון עק וועלט. איר זאלט ברייגגען מיינע זיהן פון ווייטען רב הונא זאגט דאס מיינט מען דיא מענטשין וואס זענען אין גלות בבל: וואס זייער שכל איז רוהיג אזוי וויא דער שכל פון אזכר. אונ מיינע טעכטער זאלט איר ברייגגען פון עק וועלט דם מיינט מען די מענטשין וס זענען אין גלות אין אנדערע לענדער. וס זייער שכל איז ניט רוהיג אזוי וויא דער שכל פון אנקבה:

ג אמר. רבי אבא בר רבי יצחק האט גזאגט פון רב חסדאס וועגין. אנדערע זאגען רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין דיא גוים וואס וואוהנען פון צור ביז קרתגני זייא ווייסען ווער דיא יודען זענען אונ זייא גלויבען אין גאט. דריבער טוהען זייא גוטס צו דיא יודען. אונ דיא גוים וואס וואוהנען פון צור צו מערב זייט אונ פון קרתגני צו מזרח זייט זייא ווייסען גאר

במאמינים בהקב"ה ואינם עובדים ע"ז : שימי את. בתמיה אתה הוא שימי חכם גדול ומקשה לי דבר זה וי"א רב לא היה זוקף עיניו אלא כובשן כל שעה משום צניעות : זה הלומד תורה בטהרה. עליו הוא אומר לשמי ומנחה טהורה :
לעולם זאת על ישראל קרא הוא בדברי הימים בשלמים ובקרבנות משתעי דלעולם הם עומדים והיכי דמי מזבח בנוי בשמים ומיכאל עומד וכו' : מאי דכתיב זאת התורה. ולא כתיב זאת

כלפי מזרח אין מכירין לא לישראל ולא לאביהם שבשמים איתיביה רב שימי בר חייא לרב (מלאכי א) כי ממזרח שמש עד מבואו גדול שמי בגוים ובכל מקום מוקטר מוגש לשמי ומנחה טהורה אמר ליה שימי את דקארו ליה אלהא דאלהיא. ובכ"מ מוקטר וגו' בכ"מ סלקא דעתך א"ר שמואל בר נחמני א"ר יונתן אלו תלמידי חכמים העוסקים בתורה בכ"מ מעלה אני עליהם כאלו מקטירים ומגישים לשמי ומנחה טהורה זה הלומד תורה בטהרה נושא אשה ואח"כ לומד תורה :

(תהלים קלד) **שיר** המעלות וגו' בבית ה' בלילות מאי בלילות אמר רבי יוחנן אלו ת"ח העוסקים בתורה בלילה מעלה עליהם הכתוב כאלו עוסקים בעבודה.

(ד"ה ב ב) לעולם זאת על ישראל וגו' א"ר גידל אמר רב זה מזבח בנוי ומיכאל השר הגדול עומד ומקריב עליו קרבן ור' יוחנן אמר אלו ת"ח העוסקים בהלכות עבודה מעלה עליהם הכתוב כאלו נבנה מקדש בימיהם. אר"ל מ"ד (ויקרא ז) זאת התורה לעולה למנחה וגו'

ניט ווער דיא יודען זענען. אונ זיי ווייסען ניט ווער גאט איז. האט רב שימי בר חייא גיפרעגט צו רב עס שטייט אין פסוק פון דעם ארט וואס דיא זוהן שיינט אויף ביז דעם ארט וואס די זוהן גייט אונטער איז גרוים מיין נאמען צווישען דיא פעלקער אונ אין אלע ארטער איז גירייכערט אונ גינענט צו מיין נאמען אונ ריינע מנחו'ת. זעהן מיר דאך אז אין דער גאנצער וועלט ווייס מען דעם נאמען פון גאט. האט רב גזאגט דוא ביסט דאס שימי וואס מען זאגט אויף דיר אז דוא ביסט אגרויסער חכם אונ דוא פרעגסט אזוי אקשיא. דיא גאנצע וועלט זאגען אז ער איז אגאט איבער אלע געטער. אונ זיי דינען צו זייערע געטער אונ צוא גאט גיבען זייא אויך כבוד. אונ פון צ"ר ביז קרהגני דינען זייא ניט קיין געטער נאר צו גאט אליין. פרעגט דיא גמרא עס שטייט אין פסוק אין אלע ארטער ווערט גירייכערט קטורת אונ מען איז מקריב מנחות. מעג מען דען אין אלע ארטער רייכערין קטורת אונ מקריב זיין מנחות. האט רבי שמואל בר נחמני גזאגט פון רבי יונתן וועגן דאס מיינט מען דיא תלמידי חכמים וואס לערנען תורה אין אלע בתי מדרשים. רעכונט אויף זייא גאט גלייך וויא זייא וואלטען גירייכערט קטורת אונ מקריב גיוועזן מנחות פאר גאט. עס שטייט אין פסוק זייא זענען מקריב אריינע מנחה: וועלכע מנחה איז דען ניט אריינע. נאר דאס מיינט מען דער וואס לערנט תורה מיט ריינע גידאנקען. ער נעמט אווייב אונ דער נאך לערנט ער תורה :

ד שיר המעלות. ווייטער שטייט אין פסוק זייא שטייען אין דיא שטוב פון גאט בייא נאכט. ביי נאכט איז מען דאך ניט מקריב קיין קרבן. האט רבי יוחנן גזאגט דאס מיינט מען דיא תלמידי חכמים וואס לערנען תורה בייא נאכט. רעכונט אויף זייא דער פסוק גלייך וויא זייא וואלטען מקריב גיוועזן קרבנות ביי נאכט. עס שטייט אין פסוק דיא קרבנות וועט זיין אייביג ביי דיא יודען. וויא אזוי: דער בית המקדש איז דאך נישטא. האט רב גידל גזאגט פון רבס וועגין דאס מיינט מען דיא קרבנות וואס מען איז מקריב אויף דעם הימעל. ווארום אין הימעל איז גיבאהט אמזבח אונ דער מלאך מיכאל וואס ער איז דער גרויסער שר שטייט נעבין מזבח אונ איז מקריב אויף איהם קרבנות. רבי יוחנן זאגט דאס מיינט מען דיא תלמידי חכמים וואס זייא לערנען דיא דינים פון קרבנות. רעכונט אויף זייא דער פסוק גלייך וויא דער בית המקדש וואלט גיבאהט גיווארען אין זייער צייט אונ זייא וואלטען אויף איהם מקריב גיוועזן קרבנות. ריש לקיש זאגט עס שטייט אין פסוק זאת התורה לעולה ולמנחה ולחטאת ולאשם דאס איז דיא לערנונג צו אעולה אונ צו אמנחה אונ צוא אחטאת אונ צוא אאשם. דער וואס

וגו' כל העוסק בתורה כאלו הקריב עולה ומנחה חטאת ואשם אמר רבא האי לעולה למנחה עולה ומנחה מיבעי ליה אלא אמר רבא כל העוסק בתורה אינו צריך לא עולה ולא מנחה ולא חטאת ולא אשם . א"ר יצחק מ"ד (שם ו) זאת תורת החטאת (שם ז) וזאת תורת האשם כל העוסק בתורת חטאת כאלו הקריב חטאת וכל העוסק בתורת אשם כאלו הקריב אשם :

ה משנה נאמר בעולת בהמה (ויקרא א) אשה ריח ניחוח ובעולת העוף (שם) אשה ריח ניחוח ובמנחה (שם ב) אשה ריח ניחוח ללמדך שאחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין לבו לשמים: גמ'. אמר רבי זירא מאי קראה (קהלת ה) מתוקה שנת העובד אם מעט ואם הרבה יאכל רב אדא בר אהבה אמר מהכא (שם) ברבות הטובה רבו אוכליה ומה כשרון לבעליה כי אם ראות עיניו . תניא אמר ר"ש בן עזאי בוא וראה מה כתיב בפרשת קרבנות שלא נאמר בהם לא אל ולא אלהים אלא לה' שלא

התורה : עולה ומנחה מיבעי ליה . דליהוי משמע זאת התורה הוא עולה ומנחה כו' : אין צריך לא עולה . דהכי משמע זאת התורה לעולה כלומר במקום העולה כמו לכם בבכורכם כלומר דת"ת מכפר עונותיו : בתורת חטאת . כגון סדר קדשים דמיירי בהלכות עבודה :

שנת העובד . עבודה קרבן ומביאו למזבח מתוקה שנתו כשבא יפן לא יירא : אם מעט ואם הרבה יאכל . מתן שכרו : ברבות הטובה . קרבנות : רבו אוכליה . כהנים : ומה כשרון לבעליה . הקב"ה : כי אם ראות עיניו . שזה

לערונט תורה איז גלייך וויא ער וואלט מקריב געוועזן אעולה אונ אמנחה אונ אחטאת אונ אאשם . האט רבא געפרעגט אויב דער פסוק מיינט וויא דוא זאגסט דארף דאך ניט שטיין לעולה ולמנחה לחטאת ולאשם צו אעולה אונ צוא אמנחה אונ צוא אחטאת אונ צוא אאשם ; נאר עס דארף שטיין זאת התורה עולה מנחה חטאת אשם . וועט מען מיינען דיא תורה איז אעולה אונ אמנחה אונ אחטאת אונ אאשם . זאגט רבא נאר אזוי מיינט דער פסוק דער וואס לערונט תורה דארף ניט קיין עולה אונ ניט קיין חטאת אונ ניט קיין אשם אונ ניט קיין מנחה ; נאר דיא תורה אליין איז מכפר אזוי וויא קרבנות . אונ אזוי מיינט דער פסוק זאת התורה לעולה למנחה לחטאת לאשם . דיא תורה איז פון וועגן אעולה אונ פון וועגן אמנחה אונ פון וועגן אחטאת אונ פון וועגן אאשם . רבי יצחק זאגט עס שטייט אין פסוק דאס איז דיא לערנונג פון אחטאת אונ דאס איז דיא לערנונג פון אאשם ; דער וואס לערינט די דינים פון אחטאת איז גלייך וויא ער וואלט מקריב געוועזן אחטאת . אונ דער וואס לערונט די דינים פון אאשם איז גלייך ווי ער וואלט מקריב געוועזן אאשם :

ה משנה . נאמר . אז מען ברייננט אעולה אבהמה שטייט אשה ריח ניחוח . אונ אז מען ברייננט אעולה אעוף שטייט אשה ריח ניחוח . אונ אז מען ברייננט אמנחה שטייט אשה ריח ניחוח . דער פסוק לערונט אונז דער וואס ברייננט אגרויסען קרבן אונ דער וואס ברייננט אקליינעם קרבן ווייל ער איז אארעם מאן אונ קען ניט ברייננען אגרויסען קרבן איז ביי גאט ביידע קרבנות גלייך . נאר ער זאל מיינען צו דינען גאט מיט אמת . אונ אזוי איז ביי תורה לערנען אויך . אז איינער האט צייט אונ זיצט אגאנצען טאג אין בית המדרש אונ לערונט . אונ איינער האט ניט צייט אונ לערונט נאר אביסול איז ביי גאט ביידע גלייך . זאגט די גמרא רבי זירא זאגט דאס ווייסען מיר פון דעם פסוק . עס איז זיס דער שלאף פון דעם מענטש וואס דינט גאט . סיי ער דינט וויינעג אונ סיי ער דינט פיל וועט ער עסין זיין שכר . רב אדא בר אהבה זאגט פון דעם פסוק ברבות הטובה רבו אוכליה . אז מען ברייננט פיל גוטס . פיל קרבנות . האבען דיא כהנים פיל פלייש צו עסין . ומה כשרון לבעליה . אונ וואס האט פון דעם נאר דער בעל הבית . הקדוש ברוך הוא . כי אם ראות עיניו . נאר וואס זיינע אויגען זעהן דאס גוטע הארץ פון דעם מענטש וואס האט געבריינגט דעם קרבן . אבער צו דער קרבן איז גרויס אדער ער איז קליין דאס איז ביי גאט אלץ איינס :

מיר האבען געלערונט רבי שמעון בן עזאי זאגט קום אונ זעה וואס עס שטייט אין דער פרשה פון קרבנות . עס שטייט ניט דער ווארט אל אונ ניט דער ווארט אלהים נאר דער ווארט

שהכוין לשובה : לבעל הדין. למינין לומר רשויות הרבה הם והדבר מוכיח בזה שמזו כך לזה להקריב לו מנחה וזה במו כך לזה להקריב לו פרים ואילים לכך נאמר בכולן ריח ניחוח לה' : אחד המרבה. באכילת קרבנות : כדי שתאמר אעשה רצונו. להקריב לו קרבן ויעשה רצוני לפי שהוא צריך לכך ואהבהו: לא לרצוני אתם זובחים. כלומר לא לצרכי אני רוצה לזכרים אתכם לעשות על כרחכם : לרצונכם. לצורך עצמכם לקיים מצותי שתהא לכם כפרה בכך:

שלא יתן פתחון פה לבעל הדין לחלק. נאמר בשיר הגם (ויקרא א) אשה ריח ניחוח ובעוף הרק אשה ריח ניחוח ובמנחה אשה ריח ניחוח לומר לך אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין את לבו לשמים ושמא תאמר לאכילה הוא צריך ת"ל (תהלים נ) אם ארעב לא אומר לך וגו' האוכל בשר אבירים וגו' לא אמרתי לכם זבחו כדי שתאמר אעשה רצונו ויעשה רצוני לא לרצוני אתם זובחים אלא לרצונכם שנאמר (ויקרא יט) לרצונכם תזבחהו :

כתיב

יְהֹוָה. מֶען זָאל נִיט גֶעבְּן קֵיין אָפֶּענֶע מויל צום אַפִּיקוֹרוֹס צוּ קְרִיגֶען. אַז אַמָאהל וֶועט שְׁטֵיין אֵל אוּנ אַמָאהל וֶועט שְׁטֵיין אֱלֹהִים אוּנ אַמָאהל וֶועט שְׁטֵיין יְהֹוָה. וֶועלִין דִיא אַפִּקוֹרְסִים זָאגִין עֶס אִיז דָא פִיל גֶעטֶער. דֶער גָאט וָואס הֵייסְט אֵל דֶער גָאט הָאט גֶעהֵייסְען בְּרֵיינְגֶען אַמִנְחָה אוּנ דֶער גָאט וָואס הֵייסְט אֱלֹהִים הָאט גֶיהֵייסֶען בְּרֵיינְגֶען חַטָאוֹת אוּנ אַשָׁמוֹת. אוּנ דֶער גָאט וָואס הֵייסְט יְהֹוָה הָאט גֶיהֵייסֶען בְּרֵיינְגֶען עוֹלוֹת. דְרִיבֶּער שְׁטֵייט בַּיי אַלֶע קָרְבָּנוֹת אֵיין נָאמֶען יְהֹוָה. צוּ וַוייזֶען אַז גָאט וָואס עֶר אִיז אֵיינֶער הָאט עֶר גִיבָּאטִין אוֹיף אַלֶע קָרְבָּנוֹת. בַּייא דֶעם אָקְס וָואס עֶר אִיז אַגְרוֹיסֶער קָרְבָּן שְׁטֵייט אִשֶׁה רֵיחַ נִיחוֹחַ לַיְיָ. אוּנ בַּייא דֶעם עוֹף וָואס עֶר אִיז אַקְלֵיינֶער קָרְבָּן שְׁטֵייט אוֹיךְ אִשֶׁה רֵיחַ נִיחוֹחַ לַיְיָ. אוּנ בַּיי אַמִנְחָה וָואס דָאס אִיז נָאר אַבִּיסוּל מֶעהל שְׁטֵייט אוֹיךְ אִשֶׁה רֵיחַ נִיחוֹחַ לַיְיָ. דָאס לֶערוּנְט אוּנז דֶער וָואס בְּרֵיינְגְט אַגְרוֹיסֶען קָרְבָּן אוּנ דֶער וָואס בְּרֵיינְגְט אַקְלֵיינֶעם קָרְבָּן אִיז בַּיי גָאט גְלַייךְ. נָאר דִיא הַארְץ זַיינֶע זָאל זַיין צוּ גָאט. טָאמֶער וֶועסְטוּ זָאגִין אַז גָאט דַארְף דֶעם קָרְבָּן צוּם עֶסִין. שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אוֹיבּ אִיךְ וֶועל זַיין הוּנגֶערִיג וֶועל אִיךְ דִיר נִיט זָאגִין. וֶועל אִיךְ דֶען עֶסִין דִיא פְלֵייש פוּן דִיא שְׁטַארְקֶע אָקְסִין. אִיךְ הָאבּ נִיט גִיזָאגְט צוּ אַייךְ שֶׁעכְט אַקָרְבָּן. אִיהר זָאלְט קֶענֶען זָאגִין אִיךְ הָאבּ גִיטָאהן דֶעם ווִילֶען פוּן גָאט. אִיךְ הָאבּ גִישָׁאכְטֶען פוּן זַיינֶעטוֶועגִין אַקָרְבָּן. וֶועט עֶר טָאהן מַיין ווִילֶען. נִיט צוּ מַיין ווִילֶען שֶׁעכְט אִיהר דֶעם קָרְבָּן נָאר צוּ אַייעֶר ווִילֶען. אַזוֹי ווִיא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק צוּ אַייעֶר ווִילֶען זָאלְט אִיהר אִיהם שֶׁעכְטִין:

סליק מסכת מנחות

מסכת חולין פ״ק ראשון

דף ג) **א כתיב** (דברים כג) וכי תחדל לנדור לא יהיה בך חטא וכתיב (קהלת ה) טוב אשר לא תדור משתדור ולא תשלם ותניא טוב מזה ומזה שאינו נודר כל עיקר דברי ר״מ רבי יהודה אומר טוב מזה ומזה נודר ומשלם:

(דף ה) **ב** (מ״א כב) **ומלך** ישראל ויהושפט מלך יהודה יושבים איש על כסאו מלובשים בגדים בגורן פתח שער שומרון מאי גורן אילימא גורן ממש אטו שער שומרון גורן הוה אלא כי גורן דתנן סנהדרין היתה כחצי גורן עגולה כדי שיהו רואין זה את זה. (שם יז) והעורבים מביאין לו לחם ובשר בבקר ולחם ובשר בערב אמר רב יהודה אמר רב מבי טבחי דאחאב מביאין לו על פי הדבור מאי עורבים אמר רבינא עורבים ממש:

ג תניא (ויקרא א) מן הבהמה להביא בני אדם שדומין לבהמה מכאן אמרו מקבלין קרבנות מפושעי

ג״ה יהיה בך חטא. הא אם תדור יהיה בך חטא: טוב אשר לא תדור. לעיל מיניה כתיב את אשר תדור שלם ואפ״ה טוב אשר לא תדור שמא תדור ולא תשלם ככי מפרש לה ר״מ: טוב מזה ומזה. מנודר ומשלם ומנודר ואינו משלם: שאינו נודר כל עיקר. שהרגיל בנדרים בא לידי לא יחל דברו: ר״י אומר טוב מזה ומזה נודר ומשלם. דהכי משמע טוב אשר לא תדור משתדור ולא תשלם אבל משתדור ותשלם לא שהוא טוב מכלם: כי גורן. היו יושבים בחיבה ובריעות ובאגודה אחת כסנהדרין שאין חוצצין זה את זה: שיהו רואין זה את זה. להיות שומעין איש דבר חבירו ומתוכח זה עם זה עד שתצא הוראה כהלכה שאילו היו יושבים בשורה שלא בעיגול אין בני ראש השורה רואה את בני סוף שורתו ובעגולה שלמה לא היו יושבין כדי שיהא מקום לצאת ולבא: ע״פ הדבור. שהקב״ה הזהירו לפי שעה דכתיב ואת העורבים צויתי לכלכלך שם:

מפושעי ישראל. משמע מזידים כדתניא במס׳ יומא פשעים אלו המרדים וכן הוא אומר מלך

פרק ראשון

א כְּתִיב . עס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַז דוּא וֶועסְט זִיךְ פַאר מַיידֶען פוּן צוּ טָאהן אַנֶדֶר וֶוינְט ניט זַיין אִין דִיר ־קֵיין ־עֲבֵירָה . אָבֶּער אַז ־ער וֶועט יָא טָאהן אַנֶדֶר וֶועט זַיין אִין אִיהם אַ־עֲבֵירָה . נָאךְ אַפָּסוּק שְׁטֵייט ־עס אִיז בֶּעסֶער דוּא זָאלְסְט נִיט טָאהן ־קֵיין נֶדֶר . וָוארוּם טָאמֶער וֶועסְט דוּא טָאהן אַנֶדֶר אוּנ דוּא וֶועסְט נִיט בַּצָאהלִין . אוּנ מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט אַז מֶען זָאל טָאהן אַנֶדֶר אוּנ בַּצָאהלִין אִיז נִיט גוּט . אוּנ טָאהן אַנֶדֶר אוּנ נִיט בַּצָאהלִין אִיז גֶעוִויס נִיט גוּט . נָאר דָאס בֶּעסְטֶע אִיז מֶען זָאל גָאר נִיט טָאהן ־קֵיין נֶדֶר . אַזוֹי זָאגְט רַבִּי מֵאִיר . רַבִּי יְהוּדָה זָאגְט מֶען זָאל נָאר נִיט טָאהן אַנֶדֶר אִיז נִיט גוּט . מֶען זָאל טָאהן אַנֶדֶר אוּנ נִיט בַּצָאהלִין אִיז אוֹיךְ נִיט גוּט נָאר דָאס בֶּעסְטֶע אִיז מֶען זָאל טָאהן אַנֶדֶר אוּנ מֶען זָאל בַּצָאהלִין:

ב וּמֶלֶךְ . אוּנ אַחְאָב דֶער מֶלֶךְ פוּן יִשְׂרָאֵל אוּנ יְהוֹשָׁפָט דֶער מֶלֶךְ פוּן יְהוּדָה זִיצֶען יֶעדֶער אוֹיף זַיין שְׁטוּהל אָן גִיטָאהן אִין ־קְלֵיידֶער . בְּגוֹרֶן פֶּתַח שַׁעַר שׁוֹמְרוֹן: וָואס מֵיינְט מֶען גוֹרֶן: מִיר זָאלֶען זָאגֶען גוֹרֶן מֵיינְט מֶען אַשֵׁייעֶר . אִיז דֶען דֶער טוֹיעֶר פוּן שׁוֹמְרוֹן גִיוֶוען אַשֵׁייעֶר . נָאר מֶען מֵיינְט אַחְאָב אוּנ יְהוֹשָׁפָט זֶענֶען גִיזֶעסֶען אִין טוֹיעֶר פוּן שׁוֹמְרוֹן מִיט פְרַיינְדְשַׁאפְט אוּנ לִיבְּשַׁאפְט אַזוֹי וִויא דִיא סַנְהֶדְרִין וָואס זֶענֶען גִיזֶעסֶען מִיט פְרַיינְדְשַׁאפְט אוּנ לִיבְּשַׁאפְט אוּנ ־קַיילֶעכְדִיג וִויא אַהַאלְבֶּער שֵׁייעֶר . אַזוֹי וִויא מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט דִיא סַנְהֶדְרִין זֶענֶען גִיזֶעסֶען ־קַיילֶעכְדִיג אַזוֹי וִויא אַהַאלְבֶּער שֵׁייעֶר זַייא זָאלֶען זֶעהן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען . אוּנ אָלֶע זָאגֶען הֶערִין וָואס אֵיינֶער רֶעט . אוּנ זָאלֶען ־קֶענֶען צוּ זַאמֶען ־קֶערִין דֶעם דִין:

־עס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וֶוען אֵלִיָהוּ הַנָּבִיא אִיז גִיזֶעסִין בַּייא דֶעם טַייךְ כְּרִית . הָאבֶּען דִיא ־קְרָאהֶען גִיבְּרֵיינְגְט צוּ אִיהם בְּרוֹיט מִיט פְלֵייש אִין דֶער פְרִיא אוּנ בְּרוֹיט מִיט פְלֵייש פַארִין נַאכְט . הָאט רַב יְהוּדָה גִיזָאגְט פוּן רַבְּם וֶועגִין פוּן דִיא פְלֵייש וָואס מֶען הָאט גִישָׁאכְטֶען פַאר דֶעם מֶלֶךְ אַחְאָב הָאבֶּען דִיא ־קְרָאהֶען גִיבְּרֵיינְגְט פַאר אֵלִיָהוּ . גָאט הָאט אַזוֹי גִיהֵייסֶען . אַזוֹי וִוי ־עס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וְאֶת הָעוֹרְבִים צִוִּיתִי לְכַלְכֶּלְךָ שָׁם . דִיא עוֹרְבִים הָאבּ אִיךְ גִיבָּאטִין מֶען זָאל דִיךְ דָארְט שְׁפַּייזֶען . וָואס מֵיינְט מֶען עוֹרְבִים . רַבִינָא זָאגְט עוֹרְבִים מֵיינְט מֶען ־קְרָאהֶען:

ג תַּנְיָא . מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט ־עס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מֶען זָאל בְּרֵיינְגֶען ־קָרְבָּנוֹת פוּן

טפושעי ישראל כדי שיחזרו בהם בתשובה חוץ מן המומר לנסך את היין ומחלל שבתות בפרהס"א (ע"ג) וכל היכא דכתיב בהמה גריעותא היא והא כתיב (תהלים לו) אדם ובהמה תושיע ה' ואמר רב יהודה א"ר אלו בני אדם שרם ערומים בדעת ומשימין עצמן כבהמה התם כתיב אדם ובהמה הכא בהמה לחודה כתיב וכל היכא דכתיב אדם ובהמה מעליותא היא והכתיב (ירמיה לא) וזרעתי את בית ישראל זרע אדם וזרע בהמה התם קא ד׳לקיה קרא זרע אדם להוד וזרע בהמה לחוד:

מולך כשם די והיינו מומר : גריעותא היא. דאוקמת דפושעים קרי בהמה : שהם ערומים בדעת. כאדם הראשון ומשימין עצמן כבהמה דכתי רות : וזרע בהמה ומוקמי לה גמב' סוטה לא קרא ולא כנה ולא שמה תלמידי חכמים עלו הכתוב אומר וזרעתי את בית ישראל זרע אדם וזרע בהמה כלומר החכמים והבורים כולם הזרעה לפרותם ולרבותם :

אם בעל נפש אתה. אם אדם כשר אתה כדאמריק בכהנים בעל נפש לא ילכות אדם כשר : בלועך . בלהייך כלומר תתחזק על יצ"ך ולא תטעם אלא : מצאו לכן . אותם היושבים בהר גריזים

(דף ו) ד רבי שמעון בן אלעזר שדריה ר' מאיר לאתויי חמרא מבי כותאי אשכחיה ההוא סבא א"ל (משלי כג) ושמת שכין בלועך אם בעל נפש אתה הלך ר"ש בן אלעזר וספר דברים לפני ר"מ וגזר עליהם מ"ט אמר רב נחמן בר יצחק דמות יונה מצאו להם בראש

אבהמה . דאס מיינט מען אזעלכע מענטשין וואס זענען אזוי וויא בהמות . פון דאנען יערנען מיר אז מען מעג נעמען קרבנות פון פושעי ישראל . זייא זאלען תשובה טאהן . נאר דער אפקורוס וואס גיסט ויין צו דיא עבודה זרה . אדער ער איז מחלל שבת ווען פיל יודען זעהען . פון דיא מענטשין נעמט מען ניט קיין קרבנות ; פרעגט דיא גמרא וואו עס שטייט בהמה מיינט מען צום שלעכטין . מענטשין וואס זענען אפקורסים רופט מען זייא בהמות . עס שטייט דאך אין פסוק גאט העלפט מענטשין אונ בהמות . האט רב יהודה גזאגט פון רבם וועגין דאס מיינט מען מענטשין וואס זענען קלוג אונ זייא מאכען זיך אזוי ווי בהמות . זייא ווילען גאר ניט קלערין נאר וויא גאט טוהט מיט זייא נעמען זייא פאר ליב] . העלפט זייא גאט . זעהן מיר דאך אז בהמות מיינט מען פרומע מענטשין . ענטפערט דיא גמרא וואו עס שטייט אדם ובהמה מיינט מען אפרומער מענטש וואס מאכט זיך וויא אבהמה . אונ וואו עס שטייט דערווארט בהמה אליין מיינט מען דיא אפקורסים וואס זענען נאר גירעכונט וויא בהמות . פרעגט דיא גמרא אונ וואו עס שטייט אדם ובהמה מיינט מען דאס צוא גוטען עס שטייט דאך אין פסוק איך וועל פאר זייען דיא יודען אפאר זייהונג פון מענטשין אונ אפאר זייהונג פון בהמות . מענטשין מיינט מען תלמידי חכמים . אונ בהמות מיינט מען די גראבע מענטשין . זעהן מיר דאך אז בהמות מיינט מען צום שלעכטין . ענפערט דיא גמרא וויל דא האט דער פסוק אפ גיטיילט דיא בהמות פון מענטשין . עס שטייט ניט איך וועל פאר זייעהן זרע אדם ובהמה . נאר עס שטייט זרע אדם וזרע בהמה ; דריבער מיינט דא דער פסוק קלוגע מענטשין בזונדער אונ גראבע מענטשין וואס זייא ווערין גערופען בהמות בזונדער :

ד רבי שמעון בן אלעזר איז געשיקט גיווארין פון רבי מאיר ער זאל איהם ברייננען וויין פון דיא כותים . האט אאלטער מאן גיטראפען רבי שמעון אונ ער האט גזאגט צו איהם דעם פסוק דוא זאלסט בעסער אריין שטעקין אמעסער אין דיינע באקען אויב דוא האסט מורא פאר דיין נשמה [אונ זאלסט ניט טרינקען דיא וויין פון דיא כותים] . איז גיגאנגען רבי שמעון בן אלעזר אונ האט דער ציילט דיא רייד פאר רבי מאיר . האט רבי מאיר גוזר גיוועזן מען זאל ניט טרינקען דיא וויין פון דיא כותים . פאר וואס זאל מען ניט טרינקען דיא וויין פון דיא כותים . האט רב נחמן בר יצחק גזאגט וויל מען האט געפונען אויף דעם בארג גריזים אגישטאלט פון אטאהב . אונ זייא האבען געדינט צו איר . אפילו דאס מערסטע כותים האבען גיוואוהנט ווייט פון בארג גריזים . קען דאך זיין אז זייא האבען ניט געדינט צו דיא טאהב . נאר רבי מאיר האלט אז מיר זארגין פאר דעם ביסול . ווייל עס איז דא אביסול כותים וואס האבען

בראש הר גריזים שהיו עובדים אותה ור"מ לטעמיה דחייש למיעוטא וגזר רובא אטו מיעוטא. פשטיה דקרא במאי כתיב בתלמיד היושב לפני רבו דתניא ר' חייא (שם) כי תשב ללחום את מושל בין תבין את אשר לפניך ושמת שכין בלועך וגו' אם יודע תלמיד ברבו שיודע להחזיר לו טעם בין ואם לאו תבין את אשר לפניך ושכת שכין בלועך אם בעל נפש אתה פרוש הימנו:

(שם ע"ב) **ה העיד** ר' יהושע בן זרוז בן חמיו של ר"מ לפני רבי על ר' מאיר שאכל עלה של ירק בבית שאן והתיר רבי את בית שאן כולה על ידו חברו עליו אחיו ובית אביו אמרו לו מקום שאבותיך ואבות אבותיך נהגו בו איסור אתה תנהוג בו היתר דרש להם מקרא זה (מלכים ב יח) וכתת נחש הנחשת אשר עשה משה כי עד הימים ההם היו בני ישראל מקטרים לו ויקרא לו נחשתן אפשר בא אסא ולא ביערו בא יהושפט ולא ביערו והלא כל ע"ז שבעולם אסא ויהושפט

ונעשו מומרים לע"ז ואע"ג דרוב כותים לאו מהר גריזים הוו ר"מ לטעמיה דחייש למיעוטא וכו': את מושל. גדול בתורה: אם יודע: ברבו שאם ישאלנו ישיב לו טעם: בין. שאל: ואם לאו תבין את אשר לפניך. מעצמך ואל תשאל ותביישנו: ושמת שכין בלועך. בהריה דהאי קרא כתיב כלומר הרחק עצמך ועצור פיך מלשאול: אם בעל נפש אתה. ומתאוה לשאול ולעמוד על העיקר מאי הקנתיה פרוש הימנו:

עלה של ירק. ולא עישר: והתיר רבי. ע"פ עדות זו: את בית שאן כולה. לאכול ירק שלה ופירות האילן בטבלן קס"ד קסבר ר"מ לאו מא"י הוא ומעשר דגן בח"ל הוא נוהג מדרבנן הואיל ובארץ דאורייתא אבל מעשר ירק דבארץ גופה מדרבנן לא גזרו מידי בח"ל דאי מא"י היא אע"ג דר"מ ורבי אחר החורבן הוו הא קיימא לן מעשר דגן דאורייתא וירק דרבנן דקדושה אחרונה דעזרא קדשה אף לעתיד לבא כדקתני התיר רבי את בית שאן מכלל דשאר מקומות נוהג בהן: וכתת את

יא געדינט צו דיא טאהב טאר מען דאך זייער ווין ניט טרינקען האט שוין רבי מאיר גוזר געוועזען אז פון אלע כותים זאל מען ניט טרינקען זייער וויין · טאמער וועט מען טרינקען די וויין פון דיא ביסול כותים וואס האבען געדינט צו דיא טאהב אויך · זאגט דיא גמרא דער פראסטער פשט פון פסוק ושמת שכין בלועך אם בעל נפש אתה · וואס מיינט מען · ביי א תלמיד וואס זיצט פאר זיין רבי · ווארום רבי חייא האט גידרשת דעם גאנצען פסוק כי תשב ללחום את מושל ואויב דוא וועסט דיך זעצען לערנען תורה ביי דיין רבי. בין תבין את אשר לפניך ואויב דו ווייסט אז דיין רבי קען דיר ענטפערין אויף דיינע אלע קשיות · פרעג איהם וואס דוא דארפסט פרעגין · אונ אויב דוא ווייסט · אז דיין רבי ווייס ניט אלץ צו ענטפערין · זאלסטו איהם ניט פרעגין · טאמער וועט ער ניט וויסען צו ענטפערין וועט ער פאר שעמט ווערין · נאר דוא זאלסט דיך אליין מאטערין ביז דוא וועסט וויסען · ושמת שכין בלועך ודוא זאלסט בעסער טאהן א מעסער אין דיינע באקען איידער דוא זאלסט איהם פרעגין אונ פאר שעמען: אם בעל נפש אתה ואויב דוא קענסט אליין ניט ענטפערין דיינע קשיות · אונ דוא ווילסט זייא אבער וויסען גייא אוועק פון דעם רבי צוא איין אנדערין · צוא אגרעסערין למדן פון דעם רבי:

ה העיד · רבי יהושע בן זרוז דער זוהן פון רבי מאירס שווער האט עדות · גזאגט פאר רבי אויף רבי מאיר · אז רבי מאיר הט גיגעסען א בלאט פון גרינג וואקס אומגימעשרת אין דער שטאט בית שאן · הט רבי גזאגט אז אלע מענטשין פון דער שטאט בית שאן מעגין עסין זייערע גרינוואקס אונ דיא פרוכטען פון זייערע בוימער אומגימעשרת · ווייל רבי מאיר הט אויך גיגעסען אומגימעשרת · זענען גיקומען צו רבי זיינע ברידער אונ דיא גאנצע משפחה פון זיין פאטער אונ האבען גזאגט צו איהם דער ארט בית שאן וואס דיינע עלטערין אונ דיינע עלטערינס עלטערין האבען גזאגט אז מען טאר ניט עסין דיא גרינוואקס אונ ניט דיא פירות פון בית שאן ביז מען זאל זייא מעשרין · זאגסטו אז מען מעג עסין אומגימעשרת: האט רבי צו זייא גידרשת דעם פסוק דער מלך חזקיהו האט צו שטויסען דעם קופערנעם שלאנג וואס משה האט גימאכט ווארום ביז דיא טעג האבען דיא יודען גירייכערט צוא איהם אונ זייא האבען איהם גירופען נחשתן: איז דאך א קשיא פאר וואס האט דער מלך אסא איהם ניט צוא שטויסען: אדער פאר

נחש הנחשת. בחזקיה מלך יהודה כתיב : מקום הניחו . כשיבואו בנינו אחרינו אם לא ימצאו מה לתקן במה יגדל שמם : להתגדר : להתגדל : מכאן . שראינו שקבל רבי עדות זו ולמד הימנה אע"פ שדבר תימה הוא שהרי מעולם היו נוהגים בו איסור למדנו שאין מזיחין ת"ח האומר דבר הלכה חדשה לאמר לא שמעת : אין מזיחין . אין מבדילין אותו משמועתו לאמר חזור בך : מזניחין . משקצין את דבריו : מזחיחין . לאמר גאותך גרמה שלא הטית אוזן לשמוע דבר כהלכתו מפי רבך . ל"א מגביהין ומסלקין אותו מדבריו : זחוחי . לשון גבהות שלא דקדק מפי רבו כל צרכו וסמכו על לבם : גינאי. שם הנהר: רצון קוני. כל הנהרות הולכים אל הים בגזירת המלך : ספק עושה . שמא

ויהושפט ביערום (דף ז) אלא מקום הניחו לו אבותיו להתגדר בו אף אני מקום הניחו לי אבותי להתגדר בו מכאן לת"ח שאמר דבר הלכה שאין מזיחים אותו ואמרי לה אין מזניחים אותו ואמרי לה אין מזחיחין אותו . מ"ד מזיחין דכתיב (שמות כח) ולא יזח החשן ומ"ד מזניחים דכתיב (איכה ג) כי לא יזנח לעולם ה' ומ"ד מזחיחין דתנן משרבו זחוחי הלב רבו מחלוקת בישראל :

ו אין הקב"ה מביא תקלה ע"י בהמתן של צדיקים דרבי פנחס בן יאיר הוה קא אזיל לפדיון שבויים פגע ביה בגינאי נהרא א"ל גינאי חלוק לי מימיך ואעבור בך אמר ליה אתה הולך לעשות רצון קונך ואני הולך לעשות רצון קוני אתה ספק עושה ספק אי אתה עושה ואני ודאי עושה א"ל אם אי אתה חולק גוזרני עליך שלא יעברו

וָואס הָאט דֶער מֶלֶךְ יְהוֹשָׁפָט אִיהם נִיט צוּ שְׁטוֹיסֶען . אָסָא אוּנ יְהוֹשָׁפָט הָאבֶּען דָאךְ אוֹיס גִירָאמְט אַלֶע עֲבוֹדָה זָרוֹת פוּן דִיא יוּדֶען . נָאר דִיא עֶלְטֶערְן פוּן חִזְקִיָהוּ הָאבֶּען גִילָאזֶען אֵיין עֲבוֹדָה זָרָה וְדֵעם קוּפֶּערְנֶעם שְׁלַאנְג) אוּנ הָאבֶּען אִיהם נִיט גִיוָואלְט צוּ שְׁטוֹיסֶען בִּיז חִזְקִיָהוּ וָועט קוּמֶען אוּנ עֶר וָועט אִיהם צוּ שְׁטוֹיסֶען . וָועט עֶר זִיךְ הָאבֶּען מִיט וָואס צוּ בֶּערִימֶען אַז עֶר הָאט אוֹיךְ אוֹיס גִירָאמְט אַעֲבוֹדָה זָרָה פוּן יוּדֶען . בַּיי מִיר אִיז אוֹיךְ אַזוֹי מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבֶּען אוֹיךְ גֶעוואוּסְט אַז אִין בֵּית שְׁאָן דַארְף מֶען נִיט גֶעבִּין קֵיין מַעֲשֵׂר . נָאר זֵייא הָאבֶּען גִילָאזְן פַאר מִיר אִיךְ זָאל מַאכֶען דִיא תַּקָנָה . אִיךְ זָאל מִיךְ קֶענֶען גְרוֹיס מַאכֶען אִיךְ הָאבּ גִימַאכְט אַתַּקָנָה אִין בֵּית שְׁאָן . פוּן דַאנֶען זֶעהן מִיר אַז אַתַּלְמִיד חָכָם זָאגְט אַנַייֶעם דִין אַפִּילוּ דֶער דִין אִיז אַוואוּנְדֶער אֵין מְזִיחִים אוֹתוֹ . שֵׁיידְט מֶען אִיהם נִיט אָפּ פוּן זַיינֶע רֵייד . מֶען זָאל נִיט זָאגֶען צוּ אִיהם עֶס אִיז נִיט וְוִיא דוּא זָאגְסְט . אַנְדֶערֶע זָאגֶען אֵין מַזְנִיחִים אוֹתוֹ מֶען פַאר מִיאוּסְט נִיט זַיינֶע רֵייד . אַנְדֶערֶע זָאגֶען אֵין מַזְחִיחִין אוֹתוֹ . מֶען זָאגְט נִיט צוּ אִיהם וַוייל דוּא בִּיסְט גְרוֹיס בַּיי זִיךְ הָאסְטוּ נִיט גוּט גִיהֶערְט פוּן דַיין רֶבִּי דֶעם דִין . נָאר מִיר נֶעמֶען אָן זַיין דִין פַאר אֱמֶת . דֶער וָואס זָאגְט מַזִיחִין . אָפּ שֵׁיידֶען ; אַזוֹי וְוִיא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וְלֹא יַזַּח הַחשֶׁן ; דֶער חשֶׁן זָאל זִיךְ נִיט אָפּ שֵׁיידֶען פוּן אֵפוֹד ; אוּנ דֶער וָואס זָאגְט מַזְנִיחִין . פַאר מִיאוּסֶען . אַזוֹי וְוִיא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק כִּי לֹא יִזְנַח לְעוֹלָם ה' ; גָאט וָועט נִיט פַאר מִיאוּסֶען אוֹיף אֵייבִּיג . אוּנ דֶער וָואס זָאגְט מַזְחִיחִין ; גְרוֹיסְקֵייט . וָוארוּם מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט מִשֶׁרַבּוּ זְחוּחֵי הַלֵב . וְוִיא עֶס אִיז גִימֶערְט גִיוָוארִין תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען בַּיי זִיךְ גְרוֹיס גִיוֶוען . אוּנ הָאבֶּען נָאר גִילֶערְנְט פוּן גְרוֹיסְקֵייט וֶועגִין אוּנ הָאבֶּען נִיט גִיוָואלְט בֶּעדִינֶען זֵייעֶר רֶבִּי . דְרִיבֶּער הָאבֶּען זֵייא נִיט גֶעוואוּסְט רִיכְטִיג יֶעדֶער דִין . פוּן דֶעם אִיז גִיוָוארֶען פִיל קְרִיג בַּיי יוּדֶען . דֶער הָאט גִזָאגְט אַזוֹי אִיז דֶער דִין אוּנ דֶער הָט גִזָאגְט אַזוֹי אִיז דֶער דִין :

ו אֵין ; גָאט בְּרֵיינְגְט נִיט קֵיין שְׁטְרוֹיכְלוּנְג דוּרְךְ דִיא בְּהֵמוֹת פוּן אַצַדִיק . וָוארוּם רַבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר אִיז אַמָאהל גִינַאנְגֶען אוֹיס לֵייזֶען גִיפַאנְגֶענֶע מֶענְטְשִׁין ; אִיז עֶר גִיקוּמֶען צוּם טַייךְ גִינָאִי ; הָאט רַבִּי פִּנְחָס גִיזָאגְט צוּם טַייךְ גִינָאִי צוּ טֵייל דַיינֶע וַואסֶער אוּנ מַאךְ אַוֶועג אִין מִיטֶען ווֶעג אִיךְ גֵיין דוּרְךְ דִיר ; הָאט דֶער טַייךְ גִיזָאגְט צוּ רַבִּי פִּנְחָס דוּא גֵייסְט טָאהן דֶעם ווִילֶען פוּן גָאט אוֹיס צוּ לֵייזֶען דִיא גִיפַאנְגֶענֶע . אוּנ אִיךְ גֵייא טָאהן דֶעם ווִילֶען פוּן גָאט גָאט הָאט גִיהֵייסֶען אַלֶע טַייכֶען זָאלֶען גֵיין אִין יַם . אוֹיף דִיר אִיז נָאךְ אַסָפֵק אוֹיבּ דוּא וֶועסְט טָאהן דֶעם ווִילֶען פוּן גָאט אָדֶער נֵיין . טָאמֶער וֶועסְטוּ נִיט קֶענֶען אוֹיס לֵייזֶען דִיא גִיפַאנְגֶענֶע ; אוּנ אִיךְ טוּה דָאךְ גֶעווִיס דֶעם ווִילֶען פוּן גָאט . הָאט רַבִּי פִּנְחָס גִיזָאגְט צוּם טַייךְ אוֹיבּ דוּא וֶועסְט נִיט צוּ טֵיילֶען דִיא וַואסֶער אִיךְ זָאל קֶענֶען דוּרְךְ גֵיין . ווֶעל אִיךְ אוֹיף דִיר גְזַר זַיין אַז אִין דִיר זָאל קֵיין

יעברו בך מים לעולם חלק ליה היה ההוא גברא דהוה דארי חיטי לפסחא א"ל חלוק ליה נמי להאי דבמצוה עסיק חלק ליה הוה ההוא טייעא דלוה בהדייהו א"ל חלוק ליה נמי להאי דלא לימא כך עושין לבני לויה חלק ליה אמר רב יוסף כמה נפיש האי גברא ממשה ושתין רבוון דאילו התם חד זמנא והכא תלת זמני ודלמא הכא נמי חדא זמנא אלא כמשה ושתין רבוון. איקלע לההוא אושפיזא רמו ליה שערי להמריה לא אכל (דס ע"ב) הבטינהו לא אכל נקרינהו לא אכל אמר להו דלמא לא מעשרין עשרינהו ואכל אמר עניה זו הולכת לעשון רצון קונה ואתם מאכילין אותה טבלים שמע רבי נפק לאפיה א"ל רצונך סעוד אצלי א"ל הן צהבו פניו של רבי א"ל כמדומה את שמודר הנאה מישראל

לא יהמו לך בפדיון: דבמצוה עסיק. דכתיב ושמרתם את המצות דמתחלת טחינה והרקדה בעינן שימור לשם מצה: דלוה בהדייהו. נתחבר עמהם בדרך: טייעא. סוחר ערבי: כך עושין. בתמיה: לבני לויה. לבני חבורה שמניהו והולך: דלמא הכא נמי חדא. זימנא אלא מתיירא היה שלא יהמו המים ויבטפו השנים והיה מדבר עליהן שימתין להם הנהר: כמשה ושתין רבוון. שנחלק להם ים סוף: הבטינהו. בנפה חבטינהו לנקותם ויבי"ר בלעז וליכא למימר לבון דישה דמעיקרא היו עומדין בקליפתן דה"כ אמאי לא אכלה מעיקרא כר לא נתחייבו במעשר עד שיתמרחו בכרי דכתיב ראשית דגנך ותנן בהדיא מאכילים לבהמה לחיות ולעופות עד אחר ימרח דכל אכילת בהמה חשיב אכילת עראי: נקרינהו. בידים מן האבנים והפסולת: שמע רבי. דהוה קאתי ר' פנחס: רצונך סעוד אצלי. יהי רצונך לסעוד אצלי: צהבו פניו. שמח מפני שלא היה רגיל ר' פנחס ליהנות מכל אדם כדלקמן: א"ל. ר' פנחס וגי סבור

מאהל ניט זיין קיין וואסער. האט דער טייך צו טיילט די וואסער. נעבן רבי פנחס איז געשטאנען א מענטש וואס האט געטראגן ווייץ אויף פסח. האט רבי פנחס געזאגט צום טייך צו טייל דיינע וואסער פאר דעם מענטשן אויך. דער מענטש זאל אויך קענען דורך גיין. ווייל דער מענטש טוהט אויך א מצוה: האט דער טייך צו טיילט די וואסער פאר דעם מענטש אויך. מיט זייא איז געווען א סוחר פון אראביע וואס ער איז געגאנגען מיט זייא די גאנצע וועג. האט רבי פנחס געזאגט צום טייך צו טייל דיינע וואסער פון זיינעטוועגען אויך. ער זאל אויך קענען דורך גיין. דער סוחר זאל ניט זאגן אזוי טוהט מען צו די מענטשן וואס גייען צו זאמען אין וועג. אלע זענען אוועק געגאנגען און מיך האט מען געלאזין. האט דער טייך צו טיילט די וואסער פאר דעם סוחר אויך און ער איז דורך געגאנגען. האט רב יוסף געזאגט דער רבי פנחס איז גרעסער פאר משה רבינו מיט די זעכציג רבוא יודען וואס זענען ארויס געגאנגען פון מצרים. פאר משה מיט די זעכציג רבוא האט זיך דער ים געשפאלטין נאר איין מאהל. און דא האט זיך דער וואסער געשפאלטין דרייא מאהל. פרעגט די גמרא טאמער דא האט זיך אויך דער וואסער געשפאלטין נאר איין מאהל. נאר ווען דער וואסער איז צו טיילט געווארין פון רבי פנחס וועגין און ער איז געווען אפין האט רבי פנחס געזאגט צום וואסער ער זאלווארטען און בלייבען האפען ביז דער מענטש מיט די פסחדיגע ווייץ וועט דורך גיין און ביז דער סוחר וועט דורך גיין. נאר זאג אז רבי פנחס איז געווען גלייך צוא משה מיט די זעכציג רבוא יודען. אזוי וויא פאר משה מיט די זעכציג רבוא יודען איז צו טיילט געווארין דער ים סוף. אזוי איז פאר רבי פינחס צוא טיילט געווארין דער טייך גינאי. דער נאך איז רבי פינחס געקומען אין א גאסט הויז. האט מען גיגעבין גערשטין צום אייזיל פון רבי פינחס. האט דער אייזיל ניט געוואלט עסין די גערשטין. האט מען גענזיפט די גערשטין. און דער אייזיל האט ניט געוואלט עסין. און מען האט נאך א מאהל גירייניגט די גערשטין. און דער אייזיל האט ניט געוואלט עסין. האט רבי פינחס געזאגט טאמער האט מען ניט גיגעבן מעשר פון די גערשטין. האט מען גימעשרת די גערשטין האט דער אייזיל גיגעסען. האט רבי פינחס גזאגט דער ארעמער אייזיל גייט טאהן דעם ווילען פון גאט און איר גיט איר עסין אומגימעשרתע תבואה. האט רבי גיהערט אז רבי פינחס בן יאיר קומט איז ער ארויס גיגאנגען אנטקעגין איהם: האט רבי גזאגט צו רבי פינחס הנאי זאלסטו וועלען עפעס עסין ביי מיר. האט רבי פינחס גזאגט צו רבי יא איך וועל ביי דיר עסין. איז פרייליך געווארען דער פנים פון רבי. האט רבי פינחס גזאגט צו רבי דוא מיינסט אז איך האב אנגדר גיטאהן איך זאל

מישואל אני ישראל קדושים הן יש ר צה ואין לו ויש שיש לו ואינו רוצה וכתיב (משלי כג) אל תלחם לחם רע עין ואל תתאו למטעמותיו כי כמו שער בנפשו כן הוא אכול ושתה יאמר לך ולבו בל עמך ואתה רוצה ויש לך השתא מיהא מסרהיבנא דבמלתא דמצוה קא טרחנא כי הדרנא אתינא עיילנא לגבך. כי אתא איתרמי על בההוא פתחא דהוו קיימין ביה כודנייתא חיורתא אמר מלאך המות בביתו של זה ואני אסעוד אצלו שמע רבי נפק לאפיה א"ל מזבנינא להו א"ל (ויקרא יט) ולפני עור לא תתן מכשול מפקרנא להו מפשת היזקא עקרנא להו איכא צער בעלי חיים קטילנא להו איכא (דברים כ) בל תשחית הוה קא מבתש ביה טובא גבה טורא בינייהו בכה רבי ואמר מה בחייהן כך במיתתן

היית שמודר הנאה מישראל אמי : ישראל קדושים הם . ורחויין ליהנות מהם : אבל יש רוצה . להנות אחרים משלו ואין יכולת בידו וממנו איני רוצה ליהנות שלא אכביד עליו : ויש שיש . יכולת בידו ואינו רוצה להנות אחרים ואע"פ שאומרים בוא וסעוד אין לבו חפץ ואיני נהנה ממנו משום דכתיב אל תלחם לחם רע עין : אל תלחם. אל תסעוד לחם לשון סעודה כדכתיב מדוע לא באתה אל הלחם וכתיב בלשאצר מלכא עבד לחם רב: כמו שער . כאילו אתה פותח שער בבטנו . וי"א לשון מרירות כמו והתאנים השוערים: מסרהיבנא . לשון בהלה ומהירות כלומר צריך אני למהר ולילך לדבר מצוה ואין פנאי לסעוד : כודנייתא . פרדות של רבי היו : מלאך המות . שמכה ישוב אין המכה היה כדלקמן : ולפני עור לא תתן וגו' . דכי היכי דאסורין לך אסורין לאחרינא והא ליכא למימר דמזבן להו לעכו"ם דהנך אין מוכרין להם בהמה גסה : מפקרנא להו . אשלחם ביערות לעלמא דהפקר : מפשת היזקא דמתוך שלא יהו נשמרים ירבו נזקיהן : עקרנא . שלא יוכלו לבעט וכל תנחית ליכא שיהיו ראויות לדישה : עקרנא . מכשר פרסותיהן ועד אין יכולין לילך : מבתש . מפליר וחברו בשבועות . מבתש גרסינן בבי"ת ולא בכ"ף : גבה טורא בינייהו . והבדילן : בחייהן של צדיקים כך . מהן הקב"ה נגו על

ביי קיין יודען ניט עסין. דיא יודען זענען הייליג אונ פרום. עס איז דא איינער וואס ער וויל געבין עסין צו פרעמדע. נאר ער האט ניט. פון דעם וויל איך געוויס ניט הנאה האבן. ווייל איך וויל איהם ניט אוים ברייגגען קיין געלט. עס איז דא איינער וואס האט געלט נאר ער וויל ניט געבין קיין פרעמדע מענטשין זאלען הנאה האבען פון זיין געלט. אונ אז ער בעט איינעם ער זאל עסין ביי איהם. מיינט ער ניט מיט זיין גאנצען הארצען. ביי איהם וויל איך אויך ניט עסין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט עסין ברויט ביי דעם מענטש וואס האט א שלעכטע אויג (ער פארגינט ניט) אונ דוא זאלסט ניט גלוסטען צוא זיינע גוטע עיפייז. ווארום ער האט שוין פריער בערעכנט וויא פיל דוא וועסט עסין. אזוי טוהט ער. ער זאגט צו דיר עס אונ טרינק. אבער זיין הארץ איז ניט מיט דיר. אין אמת וויל ער דוא זאלסט ניט עסין. אבער דוא ווילסט געבין אונ דוא ביסט רייך וואלט איך ביי דיר גיגעסען נאר איצט איל איך מיך ווייל איך גיי טאהן א מצוה. אז איך וועל גיין צוריק וועל איך אריין גיין צו דיר. אז רבי פינחס איז געקומען צוריק אונ ער האט גיוואלט אריין גיין צוא רבי האט זיך גיטראפען אז ער איז אריין גיגאנגען אין דיא טיר וואס דארט זענען גישטאנען ווייסע אייזלען האט רבי פינחס גיזאגט דער מלאך המות איז דא ביי רבי אין שטוב וועל איך ביי איהם עסין. וויא רבי האט גיהערט איז ער ארוים גיגאנגען אנטקעגין רבי פינחס. האט רבי גיזאגט צוא רבי פינחס איך וועל פאר קויפען דיא אייזלען. האט רבי פינחס גיזאגט אויב דו וועסט יענעם זאגין אז אזוי סער אייזיל איז א מלאך המות. וועט ער דאך ניט קויפען. אונ אויב דוא וועסט איהם ניט זאגין. עס שטייט דאך אין פסוק פאר א בלינדען זאלסטו ניט געבין א שטרויכלונג. דאס מיינט מען דו טארסט קיינעם ניט נארען. האט רבי גיזאגט איך וועל זייא ארוים לאזען. זאלען זייא גיין ווא זייא ווילען. אונ ווער עס וועט וועלין זאל זייא נעמען. האט רבי פינחס גיזאגט אז דוא וועסט זייא ארוים לאזין וועלין זייא מאכען פיל שאדען. האט רבי גיזאגט איך וועל אראפ נעמען זייערע קלאהען וועלין זייא ניט קענען שלאגען מיט זייערע פיס. האט רבי פינחס גיזאגט וועלין די אייזלען האבען גרויס צער. אונ מען טאר ניט מאכען שמערצין צו א בהמה. הט רבי גיזאגט איך וועל הרגנן דיא אייזלען. הט רבי פינחס גיזאגט מען טאר ניט קאליע מאכען קיין זאך. הט רבי שטארק גיבעטין ביי רבי פינחס ער זאל אריין גיין צו איהם. אונ רבי פינחס האט ניט גיוואלט. הט זיך אויף גיהויבען א באַרג צווישען רבי אונ רבי פינחס. זיי זאלען ניט זעהן איינער דעם אנדערין.

עאכ"ו דא"ר חמא בר חנינא גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהם שנאמר (מ"ב יג) ויהי הם קוברים איש והנה ראו את הגדוד וישליכו את האיש בקבר אלישע וילך ויגע האיש בעצמות אלישע ויחי ויקם על רגליו א"ל רב פפא לאביי ודלמא לקיומי ביה ברכתא דאליהו דכתיב (שם ב) ויהי נא פי שנים ברוחך אלי א"ל אי הכי היינו דתנינא על רגליו עמד ולביתו לא הלך אלא במה איקיים כדא"ר יוחנן שריפא צרעת נעמן שהיא שקולה כמת שנאמר (במדבר יב) אל נא תהי כמת. אריב"ל למה נקרא

על החוטן שלא להעביר על דעתן שגרס שדבר שנכנס בפתח הפרדות שיפרוש ולא יעבור על דעתו הראשונה שאין דרכו לספיד משל אהרים כדלקמן: עאכ"ו. שהרי במיתתן גדולים יותר מבחייהם כדאמר רבי חמא: קוברים איש. רשע היה ולא ניתן ליקבר אצל צדיקים: ויגע האיש בעצמות אלישע ויחי. ואילו בחייו כשרצה להחיות בן השונמית הולרך לשום פיו על פיו ועיניו על עיניו לבקש רחמים: ודלמא לקיומי ברכתא דאליהו. דלא סגי שלא תתקיים דכתיב בצדיקים ותגזר אומר ויקם לך ולאו משום אלישע הוה: פי שנים. אליהו החיה בן הצרפית ואלישע בן השונמית וצריך להחיות עוד אחד: אי הכי. דלקיומי ברכתא דאליהו: היינו דתניא. בהמיה ואי משום ברכתא דאליהו היה צריך להחיות ממש כמו שעשה אותו שהחיה אליהו אלא לאו ש"מ משום אלישע הוה ולא היה צריך לאלישע אלא לסלקו מאצלו והחייהו עד שנסתלק משם: אלא הכי כמת. בצרעת מרים כתיב: למה נקרא שמן. דכודמייתא ימים דכתיב אשר מצא את הימים :
לא

הָאט רֶבִּי גְיוויינְט אונ הָאט גִיזָאגְט מַאדָאךְ ווֶען דִיא צַדִיקִים לֶעבִּין טוּהט גָאט זֵייעֶר ווִילֶען וְרַבִּי פִּינְחָס הָאט בַּייא זִיךְ גִימַאכְט עֶר זָאל נִיט עֶסִין בַּייא קֵיין מֶענְטְשׁ ; מַאכְט גָאט אַז אַזוֹי זָאל זַיין . דְרִיבֶּער הָאט עֶר גִיטְרָאפֶען אַרַיין צוּ גֵיין צוּ דִיא ווַייסֶע אֵייזֶלֶען ; עֶר זָאל בַּיי מִיר נִיט עֶסִין . ווֶען דִיא צַדִיקִים שְׁטַארבֶּען טוּהט גָאט גֶעווִיס זֵייעֶר ווִילֶען . ווָארוּם רַבִּי חָמָא בַּר חֲנִינָא הָאט גִיזָאגְט דִיא צַדִיקִים נָאךְ זֵייעֶר שְׁטַארבֶּען זֶענֶען זֵייא גְרֶעסֶער ווִיא זֵייא זֶענֶען גִיוֶוען ווֶען זֵייא הָאבֶּען גִילֶעבְּט . אַזוֹי ווִיא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אונ עֶס אִיז גִיוֶוען זֵייא הָאבֶּען בֶּגְרָאבִּין אַמֶענְטְשִׁין הָאבֶּען זֵייא דֶער זֶעהן דִיא מַחֲנֶה ווָאס קוּמְט הָאבֶּען זֵייא אַוֶוארְף גִיטָאהן דֶעם טוֹיטֶען מֶענְטְשׁ אִין דֶעם קֶבֶר פוּן אֱלִישָׁע [אוּנ זֵייא זֶענֶען אַנְטְלָאפֶען] אוּנ דֶר טוֹיטֶער קֶערפֶּער הָאט אָן גֶערִירְט דִיא בֵּיינֶער פוּן אֱלִישָׁע אִיז דֶער טוֹיטֶער לֶעבֶּעדִיג גִיווָארֶען אוּנ אִיז אוֹיף גִישְׁטַאנֶען אוּנ אִיז גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֵיין אוֹיף זַיינֶע פִּיס . זֶעהן מִיר ווֶען אֱלִישָׁע הָט גִילֶעבְּט אוּנ עֶר הָאט גִיווָאלְט לֶעבֶּעדִיג מַאכֶען אַקִינְד ווִיא שְׁווֶער עֶס אִיז אִיהם אָן גִיקוּמֶען דִי זַאךְ . עֶר הָאט גִימוּזְט לֵייגֶען זַיין מוֹיל אוֹיף דִיא מוֹיל פוּן דֶעם קִינְד אוּנ זַיינֶע אוֹיגֶען אוֹיף דִיא אוֹיגֶען פוּן דֶעם קִינְד אוּנ עֶר הָאט גִימוּזְט אַזוֹי פִיל בֶּעטִין צוּ גָאט . אוּנ דֶער נָאךְ ווִיא אֱלִישָׁע אִיז גִישְׁטָארבֶּען . מֶען הָאט אִיהם נָאר אָנְגֶערִירְט הָאט מֶען שׁוֹין גִילֶעבְּט . הָאט רַב פָּפָּא גִיזָאגְט צוּ אַבַּיֵי טָאמֶער אִיז דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבֶּעדִיג גִיווָארֶען ווַייל דִיא בְּרָכָה פוּן אֵלִיָהוּ הַנָבִיא הָאט גִימוּזְט מְקוּיָים ווֶערִין . ווָאס אֵלִיָהוּ הָאט גִיבֶּענְשְׁט אֱלִישָׁען אַז זַיינֶע נְבִיאוֹת זָאל זַיין צְווֵייא מָאהל אַזוֹי פִיל ווִיא דִיא נְבִיאוֹת פוּן אֵלִיָהוּ . אַזוֹי ווִיא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אֱלִישָׁע הָאט גִיזָאגְט צוּ אֵלִיָהוּ צְווֵייא מָאהל אַזוֹי פִיל ווִיא דַיינֶע נְבִיאוֹת אִיז זָאל זַיין בַּייא מִיר . אוּנ אֵלִיָהוּ הָאט לֶעבֶּעדִיג גִימַאכְט אֵיין מֵת הָאט אֱלִישָׁע גִידַארְפְט לֶעבֶּעדִיג מַאכֶען צְווֵייא מֵתִים . אוּנ אֵיין מֵת הָאט אֱלִישָׁע לֶעבֶּעדִיג גִימַאכְט ווֶען עֶר הָאט גִילֶעבְּט . דֶעם אַנְדֶערִין מֵת הָאט עֶר אִיצְט לֶעבֶּעדִיג גִימַאכְט נָאךְ זַיין טוֹיט . אָבֶּער דָאס אִיז אַלֶץ נִיט גִיוֶוען דוּרְךְ אֱלִישָׁעס פְרוּמְקַייט . נָאר דוּרְךְ דִיא בְּרָכָה פוּן אֵלִיָהוּ . הָאט אַבַּיֵי גִיזָאגְט צוּ רַב פָּפָּא אוֹיב עֶר אִיז לֶעבֶּעדִיג גִיווָארֶען דוּרְךְ דִיא בְּרָכָה פוּן אֵלִיָהוּ הָאט עֶר גִידַארְפְט לֶעבֶּעדִיג ווֶערִין אִין אֱמֶת אַזוֹי ווִיא דֶער קִינְד פוּן אֵלִיָהוּ הָאט גִילֶעבְּט פִיל יָאהרֶען . פַאר ווָאס הָאבֶּען מִיר גִילֶערְנְט דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נָאר אוֹיף גִישְׁטַאנֶען [עֶר זָאל נִיט לִיגֶען לֶעבִּין אֱלִישָׁען] אָבֶּער אַהֵיים אִיז עֶר נִיט גִיגַאנְגֶען . נָאר גֶעווִיס מוּז זַיין אַז עֶר אִיז נָאר לֶעבֶּעדִיג גִיווָארֶען דוּרְךְ אֱלִישָׁע . אַזוֹי אַרָשָׁע זָאל נִיט לִיגֶען נֶעבִּין אִיהם . דְרִיבֶּער אִיז גִינוּג גִיוֶוען אַז עֶר אִיז אוֹיף גִישְׁטַאנֶען אוּנ אִיז אַוֶועק גִיגַאנְגֶען פוּן זַיין קֶבֶר . אָבֶּער אַהֵיים אִיז עֶר נִיט גִיגַאנְגֶען . פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא ווִיא אַזוֹי דֶען אִיז מְקוּיָם גִיווָארֶען דִיא בְּרָכָה פוּן אֵלִיָהוּ . עֶנְפֶערְט דִיא גְמָרָא אַזוֹי ווִיא רַבִּי יוֹחָנָן הָאט גִיזָאגְט ווָאס אֱלִישָׁע הָאט אוֹים גִיהֵיילְט דִיא קְרֶעץ פוּן נַעֲמָן דָאס אִיז גְלַייךְ ווִיא עֶר ווָאלְט אַטוֹיטֶען לֶעבֶּעדִיג

נקרא שמם ימים שאימתן מוטלת על הבריות דא"ר חנינא מימי לא שאלני 'אדם על מכת פרדה לבנה וחיה והא קא חזינא דהוי איסר והיית והא קא חזינא דמיתסי דחוורן ריש כרעייהו קא אמרינן:

(דברים ד) ז אין עוד מלבדו א"ר חנינא ואפילו כשפים ההיא אתתא דהות קא מהדרא למשקל עפרא מתותי כרעיה דר' חנינא אמר לה שקולי לא מסתייעא מלתיך אין עוד מלבדו כתיב והא"ר יוחנן למה נקרא שמם כשפים שמכחישין פמליא של מעלה שאני ר' חנינא דנפישא זכותיה . וא"ר חנינא אין אדם נוקף אצבעו מלמטה אא"כ מכריזין עליו מלמעלה שנא' (תהלים לז) מה' מצעדי גבר כוננו (משלי כ) ואדם מה יבין דרכו א"ר אלעזר דם ניקוף מרצה כדם עולה אמר רבא בגודל ימין ובניקוף שני והוא דקאזיל לדבר מצוה, אמרו

לא שאלני . ר' חנינא רופא היה ומהכא מייתי לה במסכת יומא בהוליאו לו : והיה . משמע במת החוכה: והיית. לשון נקבה ולמכה קאי שאין מהרפאת: אין עוד מלבדו . משום ר' חנינא נקט לה : ואפילו כשפים . איום מלבדו כלומר שלא מדעתו כלומר שאם לא נגזרה גזרה מלפניו אין מריעין לו להדם : מהדרא. מחזרת וטורחת שלא יבין : למשקל עפרא . לעשות ולו כשפים להמיתו : כשפים . נוטריקון שמכחישין פמליא של מעלה שלא גזרו על אדם זה למות והוא מת ע"י כשפים : נוקף. נוגף אשוטי"ר בלעז : מכריזין . גזרו עליו מלמה . מכפר : גודל ימין : מפני שהוא נוגף בכח ומלטער הרבה : ובניקוף שני . קודם שנתרפא

גימאכט . ווארום אקרעציגער איז גלייך וויא אגישטארבענער . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ווען מרים איז קרעציג געווארען האט אהרן געזאגט אויף מרים זיא זאל ניט זיין וויא אטויטע . רבי יהושע בן לוי זאגט פאר וואס רופט מען דיא ווילדע אייזלען ימים . ווייל זייער מורא ליגט אויף אלע מענטשין . ווארום רבי חנינא האט געזאגט צייט איך בין אדאקטאר האט נאך ניט געטראפען אז איינער זאל ביי מיר פרעגין אויף דער מכה וואס ער האט פון אווייסען אייזעל אונ ער זאל לעבין : פרעגט דיא גמרא מיר זעהן דאך אז מען לעבט יא : ענטפערט דיא גמרא אזוי האט רבי חנינא געזאגט דיא מכה בלייבט ניט לעבין : זיא ווערט ניט געזונד . פרעגט די גמרא מיר זעהן דאך אז דיא מכה ווערט אויך געזונד . ענטפערט דיא גמרא דיא מכה וואס אמענטש האט פון אזעלכע אייזלען וואס האבען ווייסע קניא . די מכה ווערט ניט געהיילט :

ז אין : עס איז נישטא קיינער אויסער גאט . רבי חנינא זאגט אויב גאט האט גוזר געווען גוטס אויף אמענטשין . קענען איהם אפילו כישוף אויך ניט שלעכטס טאהן . אאשה האט אמאהל געזוכט צו נעמען ערד פון אונטער רבי חנינאס פיס זיא זאל איהם קענען טאהן כישוף . האט רבי חנינא צו איהר געזאגט נעם דיא ערד עס וועט דיר ניט העלפין . ווארום עס שטייט אין פסוק אין עוד מלבדו . עס איז נישטא אויסער גאט . אז גאט האט ניט גוזר געווען שלעכטס אויף איין מענטשין : קענען איהם דיא כישוף ניט שלעכטס טאהן . פרעגט די גמרא רבי יוחנן האט דאך געזאגט פאר וואס רופט מען דאס כשפים . שמכחישין פמליא של מעלה . זייא מאכען פאר ליגנערס דיא אלע שרים פון הימעל . למשל אין הימעל האט מען ניט גוזר געווען אויף דעם מענטש ער זאל שטארבען . אונ דיא מכשפים קענען מאכען ער זאל יא שטארבען . ענטפערט דיא גמרא כשפים קענען טאקי ענדערין דיא גזרה פון גאט . נאר ניט קעגין רבי חנינא . ווייל רבי חנינא איז גאנץ פרום געווען . האט איהם גאט געהיט פון כשוף אויך . נאך האט רבי חנינא געזאגט אמענטש גיט זיך ניט אקלאפ אין פינגער סיידין מען רופט איהם אויס אין הימעל . דער מענטש זאל זיך אקלאפ טאהן אין פינגער . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא טריט פון מענטשין איז אן גיברייט פון גאט אונ דער מענטש וואס פאר שטייט זיין וועג . דער מענטש ווייס גאר ניט וואו ער גייט . נאר פון הימעל ווערט אויף איהם אויס גירופען וואו אהין ער זאל גיין אונ וואס איהם זאל טרעפען אין דעם וועג . רבי אלעזר זאגט אז אמענטש גיט זיך אקלאפ אפילו אין אפינגער אונ עס גייט ארויס בלוט . דיא בלוט איז מכפר זיינע עבירות גלייך וויא ער וואלט מקריב געווען אעולה אונ וואלט געשפריצט דיא בלוט אויף דעם מזבח . רבא זאגט דס איז נאר אז דער קלאפ איז געווען אין דעם גראבען פינגער פון דיא רעכטע האנט . אונ דאס איז געווען דער אנדערער קלאפ . ער האט זיך שוין איין מאהל אקלאפ גיטאהן אויף דעם

אמרו עליו על ר' פנחס בן יאיר מימיו לא בצע על פרוסה שאינה שלו ומיום שעמד על דעתו לא נהנה מסעודת אביו :

(דף ט) ח אמר רב יהודה אמר רב תלמיד חכם צריך שילמד שלשה דברים כתב שחיטה ומילה ורב חנניא בר שלמיה משמיה דרב אמר אף קשר של תפילין וברכת חתנים וציצית :

(דף י ע"ב) ט בית אפל אין פותחין בו חלונות לראות את נגעו ה"מ היכא דלא איתחזק אבל היכא דאיתחזק איתחזק :

(דף יג ע"ב) י אמר מר שחיטת עכו"ם נבלה וניחוש שמא מין הוא אמר רב נחמן אמר רבה בר אבוה אין מינים באומות והא קא חזינן דאיכא אימא אין רוב אומות מינים סבר לה כי הא דאמר רב חייא בר אבא א"ר יוחנן עכו"ם

כראשון : נהנה . ברכת המוציא שלא ראה לאכול כזית משל אחרים : כתב . לכתוב שידע לחתום שמו אלו יפה בדין או לעדות : שחיטה . שאמן ידו בכך אפילו שבקי בהלכותיה : קשר של תפילין . יש בו אומנות שעשוי כמו אות ד' שיהא נראה כמו שד"י השי"ן חקוקה בקמטי התפר כעין שי"ן ורצועה קטנה כפולה ותלויה כעין יו"ד והקשר עשוי כעין דל"ת :

בית אפל . שצריך לפתוח בו חלונות לראות הנגע פוטרים אותו לגמרי כדכתיב כנגע נראה לי בבית לי ולא לאורי שאם עמד במקום אפל וצריך שם להדליק את הנר אינו נגע : דלא איתחזק . כל זמן שלא ראה הכהן את הנגע במראותיו שהיה מקום אפל ואין מראהו ניכר אבל נגע שעומד לאורי הדלת וכבר הכיר שהוא נגע ואין צריך חלון אלא להעמידו בחזקתו פותחין :

אין רוב אומות . מינים הי׳ כך הוו להו מינים מיעוטא ומיעוטא לא חיישינן :

אָרט . און עס איז נאך ניט אויס געהיילט געוואָרען . און אויף דעם קלאפּ האָט ער זיך געטאָהן נאך אַ קלאַפּ איז דיא שמערצין גרויס . און דעם קלאַפּ האָט ער זיך געטאָהן ווען ער איז געגאַנגען טאָהן אַ מצוה . אויף דעם זאָגען מיר אַז דיא בלוט איז מכפּר אַזוי וויא דיא בלוט פון אַ עולה : מען האָט געזאָגט אויף רבי פּינחס בן יאיר אַזוי לאַנג ווי ער הָט געלעבט הָט ער ניט געמאַכט אַ מוציא אויף אַ שטיקעל ברויט וואָס ער איז ניט זיינע . און פון דעם טאָג וואָס ער איז געקומען צו זיין פאַרשטאַנד הָט ער ניט הנאה געהאַט פון זיין פאָטערס עסין :

ח אָמַר . רב יהודה האָט געזאָגט פון רבס וועגין אַ תלמיד חכם דאַרף לערנען צוא קענען דריי זאַכען . שרייבען און שעכטען . און מל זיין ; רב חנניה בר שלמיה האָט געזאָגט פון רבס וועגין דער תלמיד חכם דאַרף קענען מאַכען אַ קשר פון תפלין . און דאַרף קענען זאָגען אויס ווייניג דיא ברכות וואָס מען זאָגט אונטער די חופּה פאַר חתן כלה . און דאַרף קענען איין מאַכען ציצית אין אַ ארבע כנפות :

ט בַּיִת . אַז עס איז דאָ אַ נגע אין אַ פינסטערע שטוב . דאַרף מען ניט עפענען אַ פענסטער אין שטוב דער כהן זאָל זעהן דיא נגע . נאָר דיא שטוב בלייבט ריין . דאָס איז נאָר אַז דער כהן האָט נאָך נאָר ניט געזעהן דיא נגע . אָבער אַז דער כהן האָט שוין געזעהן דיא נגע . למשל ווען מען האָט געעפענט דיא טיר אַריין צו גיין אין שטוב . האָט ער דער זעהן דיא נגע . נאָר ער האָט נאָך ניט גוט געזעהן דעם קאָלאָר פון דיא נגע . מוז מען שוין עפענען פענסטערס דער כהן זאָל קענען גוט זעהן דיא נגע . ער זאָל קענען זאָגען אויב דיא שטוב איז טמא אָדער טהור :

י אָמַר . דער תנא האָט געזאָגט אַז אַ גוי שעכט אַ בהמה איז דיא בהמה אַ נבלה . מען טאָר זיא ניט עסין אָבער מען מעג פון איר הנאה האָבען . פרעגט דיא גמרא מען דאַרף דאָך מורא האָבען טאָמער איז דער גוי אַ אַפּיקורוס און ער האָט געשאָכטען דיא בהמה צוא דיא עבודה זרה . טאָר מען דאָך פון איר קיין הנאה ניט האָבען . הָט רב נחמן געזאָגט פון רבה בר אבוהס וועגין . ביי די פעלקער איז ניטאָ קיין אפּיקורסים . פרעגט דיא גמרא מיר זעהן דאָך אַז ביי די פעלקער איז יאָ דאָ אַפּיקורסים . ענטפערט דיא גמרא דאָס מערסטע פעלקער זענען ניט קיין אַפּיקורסים . דיא אַפּיקורסים וואָס זענען צווישען זייא זענען נאָר אַ ביסעל . דריבער האָבען מיר ניט מורא טאָמער איז דער גוי געווען אַ אַפּיקורוס . ער האַלט אַזוי וויא רב חייא בר אבא הָט געזאָגט פון רבי יוחנן'ס וועגין די גוים וואָס זענען אויסער ארץ ישראל דינען ניט עבודה זרה . נאָר

עכו"ם שבח"ל לאו עובדי עבודה זרה הן אלא מנהג אבותיהן בידיהן :

(דף טו) **יא יתיב** רב אחוריה דרבי חייא ורבי חייא קמיה דרבי ויתיב רבי וקאמר מנין לשחיטה שהיא בתלוש שנא' (בראשית כב) ויקח את המאכלת לשחוט א"ל רב לר' חייא מאי קאמר א"ל וי"ו דכתיב אאופהא קאמר והא קרא קאמר קרא זריזותיה דאברהם קמ"ל :

(דף כג) **יב תנא** דבי ר"י כל מקום שנאמר השחתה אינו אלא דבר ערוה וע"ז דבר ערוה דכתיב (בראשית ו) כי השחית כל בשר את דרכו על הארץ ע"ז דכתיב (דברים ד) פן תשחיתון ועשיתם לכם פסל :

(דף כד) **יג כתוב** אחד אומר (במדבר ח) מבן חמש ועשרים שנה ומעלה וכתוב אחד אומר (שם ד) מבן שלשים שנה הא כיצד עשרים וחמשה לתלמוד ושלשים

פירוש

מאי קאמר. היכי יליף טעמא מהכא : א"ל וי"ו דכתיב אאופתא קאמר. כלו' טעם שאינו נכון קאמר כמו שכותב וי"ו על הבקעת וכולה מנותחת לפרקים מפני שיני הבקעת שהן עשויין חרילין ואינה חלקה. ל"א אותן חרילין קרי וי"ו ורבי חייא לטעמיה דמכשר לעיל שחיטה במחובר : וקפריך. התלמודא והא קרא קאמר : זריזותיה דאברהם קמ"ל. שמש ומהר שמא לא ימצא לו אפילו מחובר והביא עמו מאכלת :

דבר ערוה. רובע ונרבע : ע"ז. נעבד שהשתחוה לבהמתו : כי השחית כל בשר. בדור המבול **נסיב וזכור** כמבול בערוה קלקלו כדכתיב ויקחו **להם נשים** גו' שהיו מזקקין לנשי רעיהן ולכל בהמה וחיה :

לתלמוד

זייא טוהען אזו וויא זייערע עלטערין האבען גיטאהן. דריבער אז אגוי שעכט א בהמה מיינט ער ניט צוא דיא עבודה זרה. איז די בהמה נאר א נבלה אונ מען מעג פון איר הנאה האבען :

יא יתיב. רב איז גיזעסען אינטער רבי חייא. אונ רבי חייא איז גיזעסען פאר רבי. אונ רבי איז גיזעסען אונ האט גזאגט פון וואנען ווייסען מיר אז שעכטען מוז מען נאר מיט אזוי אזאך וואס איז ניט צו גיוואקסען צו דיא ערד. ווארום עס שטייט אין פסוק אברהם האט גענומען דעם מעסער אונ האט גיוואלט שעכטען זיין זוהן. האט רב גזאגט צו רבי חייא וואס זאגט רבי. האט רבי חייא גזאגט דער פסוק וואס רבי האט גזאגט איז אזוי גלייך צוא דעם דין וויא דער וא"ו וואס איז געשריבען אויף א שפאן. איז דאך דער וא"ו ניט גלייך געשריבען ווייל דער שפאן איז ניט גלייך. אזוי איז דער פסוק ניט גלייך צו דעם דין. האט רב גיפרעגט דער פסוק זאגט דאך אז אברהם האט גענומען א מעסער צום שעכטען. אז מען זאל מעגין שעכטען מיט וואס מען וויל. דארף דאך דער פסוק ניט זאגען מיט וואס ער האט גיוואלט שעכטען. ענטפערט רבי חייא דער פסוק צייגט אונז וויא שטארק אברהם האט גיוואלט טאהן דיא מצוה; ער האט מורא געהאט טאמער וועט ער אויף דעם בארג המוריה ניט געפינען מיט וואס צוא שעכטען. האט ער מיט גענומען פון דער היים א מעסער. אבער מען מעג שעכטען מיט וואס מען וויל :

יב תנא. דבי רבי ישמעאל האט גילערנט וואו עס שטייט אין פסוק דער ווארט השחתה. פאר דארבונג. מיינט מען נאר מזנה זיין אונ עבודה זרה דינען. אז מען מיינט מזנה זיין ווייסען מיר פון דעם פסוק כי השחית כל בשר את דרכו על הארץ. יעדעס לעבעדיגע זאך האט פאר דארבען זיין נאטור אויף דער וועלט. יעדעס לעבעדיגע זאך האט מזנה גיוועזען מיט א פרעמדען מין למשל דער אקס האט מזנה גיוועזען מיט א פערד. דער מענטש האט מזנה גיוועזען מיט א בהמה. אונ אז מען מיינט עבודה זרה דינען ווייסען מיר פון דעם פסוק פן תשחיתון ועשיתם לכם פסל טאמער וועט איר פאר דארבען אונ איר וועט מאכען פאר אייך א בילד אונ איר וועט דינען צוא איהם :

יג כתיב. אין איין פסוק שטייט אז דער לוי וועט אלט ווערין פינף אונ צוואנציג יאהר זאל ער אריין גיין דינען אין בית המקדש. אונ אין אנדערין פסוק שטייט אז דער לוי וועט אלט ווערין דרייסיג יאהר זאל ער אריין גיין דינען אין בית המקדש. נאר ווען ער ווערט אלט פינף אונ צוואנציג יאהר גייט ער אריין זיך לערנען דיא ארבעט פון בית המקדש. אונ ער לערנט זיך פינף

ושלשים לעבודה מכאן להלמיד שלא ראה סימן יפה במשנתו חמש שנים שוב אינו רואה ר' יוסי אומר ג' שנים שנאמר (דניאל א) ולגדלם שלש שנים וללמדם ספר ולשון כשדים ואידך שאני לשון כשדים דקליל ואידך שאני הלכות עבודה דתקיפין:

(ע"ב) **יד אמרו** עליו על ר' חנינא שהיה בן שמונים שנה והיה עומד על רגלו אחת והולץ מנעלו ונועל מנעלו א"ר חנינא חמין ושמן שסכתני אמי בילדותי הם עמדו לי בעת זקנותי:

לתלמוד. ללמוד הלכות עבודה: שלא ראה סימן יפה. לומד וזוכה: ר' יוסי אומר בג' שנים. צריך שיהא רואה סימן יפה במשנתו: דתקיפין. להוריד המשכן לפרקו ולנטותו ולהעמיד קרשיו וקרשיו והביר לקרבן כפה וכלי: מן היבשה. שפיכך יש לו היות בריא והזק: רקק. גרבינ"א שיש בה מים ויבשה: תדע. שמן הרקק נבראו: ועוד שאלו. קונטריקין ההגמון שאל את ר"ג שאלות הרבה והם כגבירות וגם זאת שאלו והלא הניא משום גרלא דעופות. כתבו בתוספות ועוד שאלו פירוש קונטריקין ההגמון את ר' יוחנן בן זכאי ולא כמו שפירש בקונטרס את ר"ג ובכל דוכתא דאיכא ועוד שאלו עניס קאי ואע"ג דלא מייתי התם כמו בו ביום שבכל התלמוד דהוי ביום שמינו בו את ר' אלעזר בן עזריה נשיא כדאמרינן בפ' תפלת השחר ע"כ: שרץ נפש חיה ועוף.

השוחט פ"ק שני

(דף כז ע"ב) **א דרש** עובר גלילאה בהמה שנבראת מן היבשה הכשרה בשני סימנים דגים שנבראו מן המים הכשרן בולא בלום עוף שנברא מן הרקק הכשרו בסימן א' אמר רב שמואל קפוטקאה תדע שהרי עופות יש להן קשקשים ברגליהם כדגים. ועוד שאלו כתוב אחד אומר (בראשית א) ויאמר אלהים ישרצו המים שרץ נפש חיה ועוף יעופף על הארץ אלמא ממיא

יאָהר. בּיז דרייסיג. אונ אַז ער ווערט אַלט דרייסיג יאָהר. גייט ער אַריין צוא דיא אַרבּעט. פון דאַנען ווייסען מיר אַז אַתּלמיד האָט גילערנט פינף יאָהר אונ ער האָט ניט גיזעהן קיין בּרכה אין זיין לערנען. ער לערנט אונ פאַר געסט. ווערט ער שוין קיין בּרכה ניט האָבען פון זיין לערנען קיין מאָהל. רבּי יוסי זאָגט אין דרייא יאָהר דאַרף אַתּלמיד זעהן אַבּרכה אין זיין לערנען. אַזוי ווי עס שטייט אין פּסוק מען זאָל זייא אָדעווען דרייא יאָהר אונ מען זאָל זייא לערנען שרייבּען אונ דיא שפּראַכע פון כּשׂדים. זעהן מיר אַז אין דרייא יאָהר קען מען זיך אויס לערנען. אונ דער ערשטער תּנא זאָגט ווייל דיא שפּראַכע פון כּשׂדים איז גרינג קען מען זיא אויס לערנען אין דריי יאָהר. אָבער צוא אַנדערע לערנונגען מוז מען האָבען פינף יאָהר. אונ רבּי יוסי זאָגט ווייל דיא אַרבּעט פון משכּן איז גיווען שווער דריבּער האָט מען גידאַרפט לערנען פינף יאָהר אָבער אַנדערע לערנונגען איז גענוג דריי יאָהר:

יד אָמרו. מען דער ציילט אויף רבּי חנינא ווען ער איז אַלט גיווען אַכטציג יאָהר איז ער גישטאַנען אויף איין פוס אונ האָט אויס גיטאָהן דעם שוך אונ האָט אָן גיטאָהן דעם שוך. אונ רבּי חנינא האָט גזאָגט דאָס וואָס מיין מוטער הט מיך גיבּאָדען אין וואַרעמע וואַסער אונ הָט מיך געשמירט מיט בּוימאייל אין מיין יוגענד. דאָס גיט מיר כּח אויף מיין עלטער:

פרק שני

דרש. עובר גלילאה האט גידרשת אַבּהמה ווס זיא איז בּשאַפען גיוואָרען פון טרוקענע ערד. האט זיא אַשטאַרקען כּח. גייט פון איר ניט אַרויס דאָס לעבּין בּיז מען שניידט איין אין בּיידע סימנים. דעם קנה אונ דעם וושט. פיש וואס זייא זענען בּשאַפען גיוואָרען פון וואַסער. איז זייער לעבּין נאר שוואך. דאַרף מען זייא גאר ניט שעכטען. אונ אַז זייא פיגערין מעג מען זייא אויך עסין. עופות וואס זענען בּשאַפען גיוואָרען פון שיטערע בּלאָטע. דאַרף מען שעכטין איין סימן. דעם קנה אַליין אָדער דעם וושט אַליין. אונ אַז זייא פּייגערין טאר מען זייא ניט עסין. רב שמואל קפּוטקאה זאָגט איך וועל דיר בּריינגען אַבּעווייזונג אַז עופות זענען בּשאַפען גיוואָרען פון וואַסער מיט בּלאָטע. וואָרום עופות האָבען שופּען אויף דיא פיס אַזוי וויא פיש. נאָך האָט גיפרעגט דער כּומר קונטריקון בּיי רבּן גמליאל אין איין פּסוק שטייט גאָט האט גזאָגט די וואַסער זאָל ווידמען אַווידמונג פון אַלעבּעדיגע זאַך אונ אַעוף זאָל פליהען אויף דיא ערד. זעהן מיר אַז

ממיא איברו וכתיב (שם ב) ויצר ה' אלהים מן האדמה כל חית השדה ואת כל עוף השמים אלמא מארעא איברו א"ל מן הרקק נבראו ראה תלמידיו מסתכלים זה בזה אמר להם קשה בעיניכם שדחיתי את אויבי בקש מן המים נבראו ולמה הביאן אל האדם לקרות להם שם וי"א בלשון אחרון אמר לאותו הגמון ובלשון הראשון אמר להם לתלמידיו משום דכתיב על ויצר :

היתא במשנה הכיז את הראש בבת אחת פסולה וע"ז פריך בגמרא

(דף ל ע"ב) **ב מה"מ** אמר שמואל דאמר קרא (ירמיה ט) חץ שחוט לשונם מרמה דבר תני דבי רבי ישמעאל אין ושחט אלא וכשך וכן הוא אומר (מ"א י) זהב שחוט ואומר חץ שחוט לשונם מרמה דבר מאי ואומר וכי תימא זהב שחוט שנטווה כחוט הוא ת"ש חץ שחוט לשונם רבא

אלמא ממיא אתבריאו עופות : ולמה הביאן אל האדם . ר"ג קאמר לה כלומר ולמה נכתבו כאן משום קריאת שם : לקרות להם שם . וה"ק וייצר מן האדמה כל חית השדה ואת כל עוף השמים לראות מה יקרא לו ולאו איצירה קאי : משום דכתיב . ואת כל עוף השמים : על ויצר . דמשמע דאיצירה נמי קאי . ל"א משום דכתיב על כלומר מקרא קמא גופיה משתמע דמן הארץ איתבריאו דכתיב על הארץ דמשמע דמינה איתבריאו וכתיב נמי בקרא בתרא וייצר מן האדמה זה משמעתי וראשון נראה בעיני :

חץ שחוט. מה חץ הולכת במשיכה אף שחיטה במשיכה: זהב שחוט . משוך שבאת כך ומושכין אותו כעין שעושין צורפי כסף חוטין שעושין מהן מחטין: שנטוה כחוט . ושחוט כמו בחוט אבל בחט לאו לשון

עופות זענען בשאפען געווארען פון וואסער. אונ אין אנדערין פסוק שטייט גאט האט בשאפען פון דיא ערד אלע חיות פון פעלד אונ אלע עופות וואס פליהען אונטערין הימעל. זעהן מיר דאך אז עופות זענען בשאפען געווארין פון ערד. האט רבן גמליאל גזאגט דיא עופות זענען בשאפען געווארין פון שיטערע בלאטע. וואסער מיט ערד. האט רבן גמליאל געזעהן אז די תלמידים קוקען איינער אויף דעם אנדערין. האט רבן גמליאל צו זייא גזאגט עס פאר דריסט אייך וואס איך האב אוועק געשטויסען מיין פיינד מיט אשטרוי. דיא עופות זענען בשאפען געווארין נאר פון וואסער. נאר וויל מען האט געבריינגט דיא עופות צוא זאמען מיט דיא חיות צו אדם הראשון ער זאל זייא רופען נעמען. דריבער שטייט אין פסוק דיא עופות נעבין דיא חיות וואס דיא חיות זענען בשאפען געווארין פון ערד. אונ דיא עופות פון וואסער. אונ אזוי מיינט דער פסוק גאט האט בשאפען פון דיא ערד אלע חיות פון פעלד (אונ ער האט זייא געבריינגט צו אדם ער זאל זייא רופען נעמען). אונ דיא עופות וואס פליהען אונטער דעם הימעל (האט ער אויך געבריינגט צו אדם ער זאל זייא רופען נעמען). אנדערע זאגען פארקערט צום כומר האט רבן גמליאל גזאגט אזוי וויא דער אנדערער לשון. אונ צוא דיא תלמידים האט ער גזאגט ווי דער ערשטער לשון. וויל אין פסוק שטייט אלץ צו זאמען גאט האט בשאפען פון דיא ערד אלע חיות פון פעלד אונ אלע עופות פון הימעל. מיינט מען אונ אלע עופות וואס פליהען אונטער דעם הימעל האט ער אויך בשאפען פון ערד. דריבער מוז מען זאגען אז דיא עופות זענען בשאפען געווארען פון שיטערע בלאטע. דס איז וואסער מיט ערד:

ב מנא הני מילי. פון וואנען ווייסען מיר אז דער שוחט האקט אראפ דעם קאפ פון א בהמה אדער פון א עוף מיט איין מאהל איז דיא בהמה טרייף. האט שמואל גיזאגט וואו עס שטייט אין פסוק חץ שחוט לשונם מרמה דבר. זייער צונג איז וויא א פייל וואס ער ווערט גיצויגען (פון דעם וואס ווארפט איהם ביז צו דעם וואס ער פאלט אויף איהם). זעהן מיר אז שחוט איז דער טייטש גיצויגען. דריבער דארף מען ציהען דעם חלף אויף דעם האלדז פון דיא בהמה ווען מען שעכט איר. אונ ניט אראפ האקן מיט איין מאהל. דבי רבי ישמעאל האבען גילערנט ושחט איז דער טייטש גיצויגען. אונ אזוי שטייט אין פסוק זהב שחוט. גיצויגענע גאלד. נאך זאגט דער פסוק חץ שחוט לשונם. זייער צונג איז וויא א פייל וואס ער ווערט גיצויגען. צו וואס בריינגט דיא גמרא דעם פסוק חץ שחוט. מיר ווייסען דאך שוין פון זהב שחוט אז שחוט איז דער טייטש גיצויגען. נאר פון זהב שחוט וואלטען מיר ניט וויסען אז שחוט איז דער טייטש גיצויגען איך וואלט זאגען אז שחוט איז דער טייטש א פאדים. זהב שחוט. גאלד גישפונענע וויא א פאדים. דריבער דארפען מיר אפ לערנען פון

רבא הוה בדיק להו גירא לר' יונה בר תחליפא ושחט בה עופא בהדי דפרח:

(דף לז ע"ב) ג כתיב (יחזקאל ד) ואמר אהה ה' אלהים הנה נפשי לא מטומאה ונבלה וטרפה לא אכלתי מנעורי ועד עתה ולא בא בפי בשר פגול. הנה נפשי לא מטומאה שלא הרהרתי ביום לבא לידי טומאה בלילה. ונבלה וטרפה לא אכלתי מנעורי שלא אכלתי בשר כוס כוס מעולם. ולא בא בפי בשר פגול שלא אכלתי מבהמה שהורה בא חכם משום ר' נתן אמרו שלא אכלתי מבהמה שלא הורמו מתנותיה:

איתא במשנה השוחט לשם הר"ה וכו' שחיטתו פסולה וע"ז פריך הגמרא

(דף מ) ד פסולה אין זבחי מתים לא ורמינהו השוחט לשם הרים לשם גבעות לשם נהרות לשם מדברות לשם חמה ולבנה לשם כוכבים ומזלות לשם מיכאל שר הגדול לשם שלשול קטן הרי אלו זבחי מתים אמר אביי

מפיכה הוא: בדק להו גירא: מפגימם: הנה נפשי לא מטומאה. יחזקאל קאמר ליה להקב"ה לפי שהיה אומר לו קח לך חטין ושעורים וגו' ועוגת שעורים תאכלנה והיא בגללי צאת האדם וגו': מקרה יום ומקרה לילה לא כתיב בקרא ולא גרסינן ליה: לידי טומאה. קרי: כוס כוס. שחוט שחוט שלא תמות לפי שמסוכנת היא דנבלה ממש ליכא למימר דא"כ מאי רבותיה: שהורה בה חכם. שנולד בה ספק והולרך לשאול לחכם והתירו: מתנותיה. הזרוע והלחיים והקבה ואע"פ שהות היה כהן ובלא הרמה יכול לאכלה:
זבחי מתים. ליאסר בהנאה כדין תקרובת ע"ז שאסורה כמת ומת אסור בהנאה דנפקא לן מוחמת שם מרים וגמר שם שם מעגלה ערופה: מיכאל ושלשול קטן. כלומר לשם גדולים שבכל הבריות או לשם קטן שבכולם: שלשול. תולעת: מהני' דאמר לשם הר. הר אינו נעבד ע"ז דכתיב אלהיהם על ההרים ולא ההרים אלה יהם במסכת ע"ז סולק

חַיְן שָׁחוּט. אַז שָׁחוּט אִיז דֶער טַייטְשׁ גִיצוֹיגֶען. רָבָא הָט אַמָאהל גֶענוּמֶען אַפַייל אוּנ עֶר הָט גִיזֶעהֶן אַז אִין אִיהם אִיז נִיטָא קֵיין שְׁטְשֶׁערְבּ הָאט עֶר גִיגֶעבֶּען דֶעם פַייל צוּא רַבִּי יוֹנָה בַּר תַּחֲלִיפָא אוּנ רַבִּי יוֹנָה הָאט אַוֶועקְגִיוָואֶרְפְ גִיטָאהן דִיא פַייל צוּא אַעוֹף וָואס אִיז גִיפְלוֹיגֶען אוּנ פְלִיהֶענְדִיג הָאט עֶר גִיטְרָאפֶען דִיא פַייל אִין דֶעם הַאלְדְז פוּן דֶעם עוֹף אוּנ עֶס הָאט אִיהם גִישָׁאכְטֶען:

ג כְּתִיב. עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא הָט דֶער צֵיילְט אִיךְ הָאבּ גְזָאגְט וְוִיא אִיז צוּ מִיר מַיין נְשָׁמָה אִיז נִיט פַאר אוּמְרֵיינִיגְט גִיוָוארִין אַנְבֵלָה אוּנ אַטְרֵפָה הָאבּ אִיךְ נִיט גִיגֶעסֶען פוּן מַיין יוּגֶענְד בִּיז אִיצְט אוּנ עֶס אִיז נִיט גֶעקוּמֶען אִין מַיין מוֹיל פְלֵייש וָואס אִיז פִּגוּל. מַיין נְשָׁמָה אִיז נִיט פַאר אוּמְרֵיינִיגְט גִיוָוארִין מֵיינְט מֶען אִיךְ הָאבּ נִיט גִיטְרַאכְט בַּיי טָאג פוּן וַוייבֶּער דְרִיבֶּער בִּין אִיךְ נִיט טָמֵא גִיוָוארִין בַּייא נַאכְט פוּן שִׁכְבַת זֶרַע. אַנְבֵלָה אוּנ אַטְרֵפָה הָאבּ אִיךְ נִיט גִיגֶעסֶען פוּן מַיין יוּגֶענְד בִּיז אִיצְט. דָאס מֵיינְט מֶען אִיךְ הָאבּ נִיט גִיגֶעסֶען פוּן אַוֶועלְכֶע פְלֵייש וָואס מֶען הָאט גְזָאגְט שֶׁעכְט שֶׁעכְט גֶעשְׁווִינְד דִיא בְּהֵמָה ווָארוּם זִיא וֶועט בַּאלְד פֵּייגֶערִין. אִין מַיין מוֹיל אִיז נִיט גֶעקוּמֶען פְלֵייש וָואס אִיז פִּגוּל. דָאס מֵיינְט מֶען אִיךְ הָאבּ נִיט גִיגֶעסֶען פוּן אַזוֹי אַבְּהֵמָה וָואס מֶען הָאט אוֹיף אִיר גִיפְרֶעגְט אַשְׁאֵלָה בַּייא אַחָכָם. אֲפִילוּ דֶער חָכָם הָאט גְזָאגְט כָּשֵׁר. פוּן רַבִּי נָתָן וֶועגִין הָאט מֶען גְזָאגְט אַזוֹי הָאט יְחֶזְקֵאל גִימֵיינְט אִיךְ הָאבּ נִיט גִיגֶעסִין פוּן אַבְּהֵמָה וָואס מֶען הָאט פוּן אִיר נִיט גִיגֶעבֶּען דִיא מַתָּנוֹת וַאז מֶען שֶׁעכְט אַבְּהֵמָה דַארְף מֶען גֶעבִּין פוּן אִיר אֵיין פָארֶערְשְׁטֶע פוּס. אוּנ דִיא בַּאקִין. אוּנ דֶעם מָאגֶען צוּם כֹּהֵן:

ד פְּסוּלָה. אִין דֶער מִשְׁנָה שְׁטֵייט אַז מֶען שֶׁעכְט אַבְּהֵמָה פוּן וֶועגִין אַבַּארְג. אִיז דִיא שְׁחִיטָה פָּסוּל פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא אִיז דֶען דִיא שְׁחִיטָה נָאר פָּסוּל. מֶען טָאר דִיא בְּהֵמָה נִיט עֶסִין אָבֶּער הֲנָאָה הָאבִּין מֶעג מֶען פוּן אִיר. מִיר הָאבִּין דָאךְ גִילֶערְנְט אַז אֵיינֶער שֶׁעכְט פוּן וֶועגִין דִיא הוֹיכֶע בֶּערְג. אָדֶער פוּן וֶועגִין דִיא נִידֶערִיגֶע בֶּערְג: אָדֶער פוּן וֶועגִין דִיא טַייכִין. אָדֶער פוּן וֶועגִין דִי מִדְבָּרוֹת (דִי ווִיסְטֶע אֶרְטֶער). אָדֶער פוּן וֶועגִין דִי זוּהן אוּנ דִי לְבָנָה. אָדֶר פוּן וֶועגִין דִי שְׁטֶערִין אוּנ דִיא מַזָּלוֹת אָדֶער פוּן וֶועגִין מִיכָאֵל וָואס עֶר אִיז דֶער גְרוֹיסֶער שַׂר. אָדֶער פוּן וֶועגִין דָאס קְלֶענְסְטֶע וֶוערֶעמִיל. טָאר מֶען נִיט הֲנָאָה הָאבִּין פוּן דִיא גִישָׁאכְטֶענֶע פְלֵייש: עֶנְפֶערְט דִיא גְמָרָא אַבַּיֵי זָאגְט עֶס אִיז נִיט קֵיין קַשְׁיָא. דִי מִשְׁנָה שְׁמוּעֶסְט אַז עֶר הָאט גִיזָאגְט אִיךְ

לשמן לא מיקרי זבחי מתים ומיהו פסולה מלאכול משום דדמיא לשחיטת ע"ז ומיחלפא בה וכדתנן לקמן השוחט לשם נידר ונידב שחיטתו פסולה משום דדמי לשוחט קדשים בחוץ : לגדא דהר. למזלך הממונה על ההרים : דומיא דמיכאל. דלאו מחובר הוא ובעלי חיים אע"ג דלא מיתסרי משום ע"ז כדקי"ל בתמורה מדאסר רחמנא נעבד לגבוה מכלל דלהדיוט שרי מיהו אלהות מקרי כדכתיב הן נזבח את תועבת מצרים וכתיב וראית את השמש ואת הירח ואת הכוכבים כל צבא השמים :
יפלח כליותי. הייט לקותא וטרפה : אין מזכירין מעשה נסים . לשבית ראיה מהם : רק את נפשו שמור . מכת מות הכהו ולכך נצטוה לשמור נפשו כדאמרינן בהשותפין גדול צערו של שטן יותר משל איוב משל לאומר לעבדו שבור החבית ושמור יינה :

אביי לא קשיא הא דאמר להר הא דאמר לגדא דהר דיקא נמי דקתני דומיא דמיכאל שר הגדול ש"ם :

אלו טרפות פרק שלישי

(דף מב) **א תנא** דבי ר' ישמעאל (ויקרא יא) זאת החיה אשר תאכלו מלמד שתפס הקב"ה מכל מין ומין והראה לו למשה וא"ל זאת אכול וזאת לא תאכל :

(דף מג) **ב תניא** ניקבה הקבה ניקבו הדקים טרפה ר' יוסי בר יהודה אומר אף ניקבה המרה א"ר יצחק בר יוסף א"ר יוחנן מאי אהדרו ליה חבריי לר' יוסי בר יהודה (איוב טז) ישפוך לארץ מררתי ועדיין איוב קיים א"ל אין מזכירין מעשה נסים דאי לא תימא הכי (שם) יפלח כליותי ולא יחמול מי קא חיי אלא ניסא שאני דכתיב (שם ב) רק את נפשו שמור הכא נמי ניסא שאני :

תניא

שֶׁעכְט דִיא בְּהֵמָה פוּן וֶועגְן דֶעם בַּארְג. אוּנ אַבַּארְג אִיז נִיט קֵיין עֲבוֹדָה זָרָה. דְרִיבֶּער מֶעג מֶען הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דִי בְּהֵמָה. נָאר עֶסְן טָאר מֶען זִי נִיט וַוייל עֶס זֶעהט אוֹיס אַזוֹי וִוי עֲבוֹדָה זָרָה. אָבֶּער אַז עֶר זָאגְט אִיךְ שֶׁעכְט דִי בְּהֵמָה צוּ דֶעם מַלְאָךְ וָואס הָט צוּ שַׁאפְן אוֹיף דִי בֶּערְג. טָאר מֶען נִיט אֲפִילוּ הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דִי פְלֵייש. וַוייל דָאס הֵייסְט גִישָׁאכְטִין צוּ דִי עֲבוֹדָה זָרָה. אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזֶען אַז עֶס אִיז אַזוֹי. וָוארוּם עֶר לֶערוּנְט עֶר הָאט גִישָׁאכְטֶען צוּם בַּארְג אָדֶער צוּם מַלְאָךְ מִיכָאֵל. וִויא קוּמְט הֶער בַּארְג צוּם מַלְאָךְ מִיכָאֵל. נָאר מֶען מֵיינְט עֶר הָאט גִישָׁאכְטֶען צוּם מַלְאָךְ וָוס הָט צוּ שַׁאפֶען אוֹיף דִי בֶּערְג:

פרק שלישי

א תָּנָא. דְבֵי רַבִּי יִשְׁמָעֵאל הָאבֶּען גִילֶערוּנְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דָאס אִיז דִיא חַיָה וָואס אִיר מֶעגְט עֶסְן. דֶער פָּסוּק לֶערוּנְט אוּנְז אַז גָאט הָאט גֶענוּמֶען אֵיינְס פוּן יֶעדֶער מִין וָואס אִיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּנ עֶר הָאט גֶעוִויזֶען צוּ משֶׁה אוּנ הָט גִזָאגְט צוּ אִיהם דָם זָאלְסְטוּ עֶסְן אוּנ דָם זָאלְסְטוּ נִיט עֶסְן:

ב תַּנְיָא. מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט אַז דֶער מָאגֶען אִיז גִילֶעכֶערְט גִיוָוארֶען. אָדֶער דִיא קִישְׁקֶעס זֶענֶען גִילֶעכֶערְט גִיוָוארִין. אִיז דִיא בְּהֵמָה טְרֵייף. רַבִּי יוֹסִי בַּר יְהוּדָה זָאגְט אַז דִיא גַאל אִיז גִילֶעכֶערְט גִיוָוארֶען אִיז אוֹיךְ טְרֵייף. רַבִּי יִצְחָק בַּר יוֹסֵף הָט גִזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹחָנָן וֶועגִין וָואס הָאבְּן דִיא חֲבֵרִים גִיעֶנְפֶערְט צוּ רַבִּי יוֹסִי בַּר יְהוּדָה. פוּן דֶעם פָּסוּק. אִיוֹב הָט גִזָאגְט מַיין גַאל אִיז אוֹיס גִיגָאסֶען גִיוָוארֶען אוֹיף דִיא עֶרְד. פוּן דֶעסטְוֶועגִין הָאט אִיוֹב נָאךְ גִילֶעבְּט. זֶעהן מִיר אַז אָן אַגאל קֶען מֶען אוֹיךְ לֶעבִּין. הָאט רַבִּי יוֹסִי גִזָאגְט מֶען דְער מָאנְט נִיט אַנֵס. אִיוֹב הָאט גִילֶעבְּט אָן אַגַאל אִיז גִיוֶועןאַנֵס: אָבֶּער אָן אַנֵס סַיי אַמֶענְטְשׁ אוּנ סַיי אַבְּהֵמָה קֶענֶען נִיט לֶעבִּין אָן אַגַאל. וָוארוּם אַז דוּא וֶועסְט זָאגֶען אִיוֹב הָאט גִילֶעבְּט מִיט דֶער נַאטוּר. אִיוֹב הָאט גִזָאגְט גָאט הָאט צוּ שְׁפַּאלְטֶען מַיינֶע נִירֶען אוּנ הָאט נִיט רַחֲמָנוּת. אַז דִיא נִירֶען זֶענֶען צוּ שְׁפַּאלְטֶען קֶען מֶען דָאךְ גֶעוִויס נִיט לֶעבִּין. נָאר עֶר הָאט גִילֶעבְּט דוּרְךְ אַנֵס. אַזוֹי וִוי גָאט הָאט גִיבָּאטֶען אוֹיף דֶעם שָׂטָן נָאר זַיין לֶעבִּין זָאלְסְטוּ הִיטֶען. אַזוֹי דָא בַּייא דִי גַאל הָט עֶר אוֹיךְ גִילֶעבְּט דוּרְךְ אַנֵס:

(דף מד ע"ב) **ג תניא** דן את הדין זיכה וחייב טמא וטהר אסר והתיר וכן העדים שהעידו כלם רשאין ליקח אבל אמרו חכמים הרחק מן הכיעור ומן הדומה לו:

ד אמר רב חסדא אי זה ת"ח זה הרואה טרפה לעצמו ואמר רב חסדא אי זה (משלי טז) שונא מתנות יחיה זה הרואה טרפה לעצמו. דרש מר זוטרא משמיה דרב חסדא כל מי שקורא ושונה ורואה טרפה לעצמו ומשמש ת"ח עליו הכתוב אומר (תהלים קכח) יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך רב זביד אמר זוכה ונוחל שני עולמות העוה"ז והעוה"ב אשריך בעוה"ז וטוב לך לעוה"ב. ר' אלעזר כי הוו משדרי ליה מבי נשיאה מידי לא שקיל וכי הוו מזמני ליה לא אזיל אמר לא בעי מר דאיתי דכתיב

פירוש

דן את הדין. על שדה או על טלית בין זה לזה וכן עדים שהעידו על שדה או על טלית שהוא של פלוני:

כולן רשאין ליקח. אותו החפץ: הרחק מן הכיעור: ־"ה יאמרו בשביל כך זיכהו לזה שיתננו לו בזול:

הרואה טרפה לעצמו. כשנולד ספק טריפות בבהמתו ונראה בו טעם לאיסור וטעם להתיר והורה עליה ואוסרה: הרואה טרפה לעצמו. והאי שונא מתנות אחרים הוא שאף על שלו אינו חומד להכריע להיתר: ומשמש ת"ח. לתרץ טעמי המשנה ומשניות המוחלקות זו את זו והיינו הלמוד: יגיע כפיך כי תאכל. דכיון שעל שלו אינו חומד כ"ש שאינו חומד בשל אחרים לגנוב ולגזול: מזמני ליה. לאכול

ג תַּנְיָא. מִיר הָאבֶּען גֶעלֶערוּנְט אַבַּיְין וָואס הָט גֶעמִשְׁפֶּט אַדִין אֵיינֶעם הָט עֶר גִירֶעכְט גֶ׳מַאכְט אוּנ אֵיינֶעם הָאט עֶר בֶּעשׁוּלְדִיגְט. אָדֶער עֶר הָט גְזָאגְט אוֹיף אַזַאךְ זִיא אִיז טָמֵא ג אָדֶער עֶר הָט גְזָאגְט זִיא אִיז טָהוֹר. אָדֶער עֶר הָט אַזַאךְ גִיאַסֶרְת. אָדֶער עֶר הָט אַזַאךְ מַתִּיר גִוֶוען. אָדֶר עֵדוּת וָוס הָאבֶּן עֵדוּת גְזָאגְט. אוּנ הָאבֶּן אֵיינֶם גְרֶעכְט גְמַאכְט. אוּנ אֵיינֶם אוּמְגְרֶעכְט גְמַאכְט. אָדֶר זֵייא הָאבֶּן עֵדוּת גְזָאגְט אוֹיף אַזַאךְ אַז זִיא אִיז טָמֵא. אָדֶער אוֹיף אַזַאךְ אַז זִיא אִיז טָהוֹר. אָדֶער זֵייא הָאבֶּען עֵדוּת גְזָאגְט צוּ אַסֶרִין אַזַאךְ אָדֶער צוּ מַתִּיר זַיין. מֶעגִין דִיא דַיָּנִים אָדֶער דִיא עֵדוּת קוֹיפֶען דִי זַאךְ. אָבֶּער דִי חֲכָמִים הָאבֶּען גְזָאגְט דוּא זָאלְסְט דִיךְ דֶער וַוייטֶערִין פוּן אַזַאךְ וָואס אִיז מִיאוּס צוּ טָאהן. אוּנ אֲפִילוּ פוּן אַזַאךְ וָואס זֶעהט אוֹיס אַזוֹי וִויא מִיאוּס וְלָמָשָׁל צְוֵויי מֶענְטְשִׁין רְאוּבֵן אוּנ שִׁמְעוֹן הָאבֶּען זִיךְ גֶעקְרִיגְט אוֹיף אַזַאךְ דֶער זָאגְט דִי זַאךְ אִיז מַיינֶע. דֶער זָאגְט דִיא זַאךְ אִיז מַיינֶע. אוּנ בֵּית דִין הָאבֶּען גִיפַּסֶקֶת אַז דִיא זַאךְ גִיהֶער צוּא רְאוּבֵן. אָדֶער צְוֵויי מֶענְטְשִׁין הָאבֶּען גְזָאגְט עֵדוּת אַז דִיא זַאךְ גִיהֶער צוּ רְאוּבֵן. אַז אֵיינֶער פוּן דִי דַיָּנִים אָדֶער פוּן דִי עֵדוּת וֶועט קוֹיפֶען דִי זַאךְ בַּיי רְאוּבֵן; וֶועט מֶען זָאגֶען דֶרִיבֶּער הָט עֶר גִיפַּסֶקֶת אָדֶער עֵדוּת גְזָאגְט אַז דִי זַאךְ גִיהֶער צוּא רְאוּבֵן עֶר זָאל זִיא קֶענֶען דֶער נָאךְ פוּן אִיהם וָואלְוֵויל קוֹיפֶען. דְרִיבֶּער טָאר נִיט דֶער דַיָּן אוּנ נִיט דֶער עֵדוּת דִיא זַאךְ קוֹיפֶען:

ד אָמַר. רַב חִסְדָא הָאט גְזָאגְט וֶוער הֵייסְט אַתַּלְמִיד חָכָם אוֹיב עֶר הָאט גִישָׁאכְטֶען זַיין אֵייגֶענֶע בְּהֵמָה אוּנ עֶס אִיז גִיוָוארֶען אַסָפֵק. מֶען קֶען זָאגֶען זִיא אִיז טְרֵייף. אוּנ מֶען קֶען זָאגֶען זִיא אִיז כָּשֵׁר. אוּנ פוּן סָפֵק וֶועגִין מַאכְט עֶר זִיא טְרֵייף. דֶער הֵייסְט אַתַּלְמִיד חָכָם. נָאךְ הָט רַב חִסְדָא גְזָאגְט אוֹיף וֶועלְכִין מֶענְטְשׁ קֶען מֶען זָאגֶען עֶר הָט פַיינְט מַתָּנוֹת. דֶער וָואס מַאכְט טְרֵייף פוּן סָפֵק וֶועגִין זַיין אֵייגֶענֶע בְּהֵמָה. מַאדָאךְ עֶר גְלוּסְט נִיט זַיין גֶעלְט. וְוִיל עֶר פְרֶעמְדֶע גֶעלְט גֶעוִויס נִיט. מַר זוּטְרָא הָט גִידַרְשֶׁת פוּן רַב חִסְדָאס וֶועגִין דֶער מֶענְטְשׁ וָוס לֶערוּנְט תַּנַ"ךְ אוּנ מִשְׁנַיוֹת אוּנ עֶר מַאכְט טְרֵייף זַיין אֵייגֶענֶע בְּהֵמָה פוּן סָפֵק וֶועגִין. אוּנ עֶר בֶּעדִינְט תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וְדָס מֵיינְט מֶען עֶר לֶערוּנְט גְמָרָא; אוֹיף אִיהם זָאגְט דֶער פָּסוּק אַז דוּא וֶועסְט עֶסִין דִיא אַרְבֶּעט פוּן דַיינֶע הֶענְט וָואס דוּא וֶועסְט פַאר דִינֶען. אוּנ וֶועסְט נִיט גַנְבֶען אוּנ נִיט גַזְלֶנֶן וֶועט דִיר וואוהל זַיין אוּנ גוּט זַיין. רַב זְבִיד זָאגְט עֶר אִיז זוֹכֶה אוּנ יַרְשֶׁת בֵּיידֶע וֶועלְטִין דִי וֶועלְט אוּנ עוֹלָם הַבָּא. עֶס וֶועט אִיהם וואוהל זַיין אוֹיף דִיא וֶועלְט אוּנ גוּט זַיין אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. אַז מֶען פְלֶעגְט שִׁיקֶען פוּן נָשִׂיא אַמַתָּנָה צוּ רַבִּי אֶלְעָזָר. פְלֶעגְט עֶר נִיט נֶעמֶען. אוּנ אַז מֶען פְלֶעגְט אִיהם בֶּעטִין עֶר זָאל קוּמֶען עֶסִין בַּיי דֶעם נָשִׂיא. אִיז עֶר נִיט גִיגַאנְגֶען. עֶר הָאט גְזָאגְט דֶער נָשִׂיא וִויל נִיט אִיךְ זָאל לֶעבִין. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דֶער וָואס

אצלם: אתיקורי היא דמתיקרו בי. מתכבדים הם במה שאני סועד אצלם והנאה היא ואין זו מתנה: במקום ברכה דישראל. אלא ברכת ישראל דהכי עדיפא ומבטע שמתברכים הם עם כהנים:
דגנבי גנבי. ומשליכים אותן למעלה מכותלי החצר ונופלין לארץ: אמתנייהו. על מתניהם נופלין ואין נופלין על גבן שיתפרקו חוליותיהן: אהדרינהו.

דכתיב (משלי טו) ושונא מתנות יחיה ר' זירא כי משדרי ליה לא שקיל כי הוו מזמני ליה אזיל אמר אתיקורי הוא דמתקיירו בי:

(דף מט) **ה תניא** (במדבר ו) כה תברכו את בני ישראל ר' ישמעאל אומר למדנו ברכה לישראל מפי כהנים לכהנים עצמן לא למדנו כשהוא אומר ואני אברכם הוי אומר כהנים מברכים לישראל והקב"ה מברך לכהנים ר"ע אומר למדנו ברכה לישראל מפי כהנים מפי גבורה לא למדנו כשהוא אומר ואני אברכם הוי אומר כהנים מברכין לישראל והקב"ה מסכים עליהם אלא ר"ע ברכה לכהנים מנ"ל א"ר נחמן בר יצחק (בראשית יב) מואברכה מברכיך וסימנך ישמעאל כהנא מסייעא כהני דמוקי לה לברכת כהנים במקום ברכה דישראל:

(דף נא) **ו אמר** רב מנשיא הני דכרי ו גנבי גנבי אין חוששין משום ריסוק אברים מ"ט כי שדו להו אמתנייהו שדו להו כי היכי דלירהטו קמייהו אהדרינהו ודאי

האט פיינט מתנות וועט לעבין. אז מען פלעגט שיקען פון נשיא א מתנה צו רבי זירא. פלעגט ער ניט נעמען. אונ אז מען פלעגט איהם בעטין ער זאל קומען עסין ביי דעם נשיא. פלעגט ער גיין. ווארום רבי זירא האט גזאגט די מענטשין פון נשיא האבען כבוד אז איך עס ביי זייא; מיינען זיי גאר ניט מיר צו געבין א מתנה. נאר זיי מיינען זייער פר גענינגען. צו האבען כבוד דורך מיר ווס איך עס ביי זייא:

א תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק אז גאט וועט דיר דער ברייטערין דיין גרענעץ (דוא וועסט וואוהנען ווייט פון ירושלים) אונ דיך וועט גלוסטען צוא עסין פלייש. מעגסטו עסין פלייש. זאגט דיא גמרא דיא תורה לערנט אונז אז א מענטש זאל ניט עסין פלייש נאר אז עס וועט איהם גלוסטען צו עסין פלייש ווארום עס קען זיין אז ער וועט ניט עסין וועט ער קראנק ווערין. איך וואלט מיינען ער זאל קויפען פלייש פון גאס אונ זאל עסין. שטייט אין פסוק דוא זאלסט שעכטין פון דיינע רינדער אונ פון דיינע שעפסין. אז ער האט אייגענע בהמות זאל ער שעכטין אונ עסין פלייש. אבער אז ער האט ניט קיין אייגענע בהמות. זאל ער ניט קויפען פלייש פון גאס. איך וואלט מיינען ער זאל שעכטין זיינע אלע רינדר אונ שעפסין צו עסין. שטייט אין פסוק פון דיינע רינדער: אבער ניט אלע רינדער. פון דיינע שעפסין. אבער ניט אלע שעפסין. אז ער האט נאר איין בהמה זאל ער זיא ניט שעכטין צום עסין. פון דאנען האט רבי אליעזר בן עזריה גיזאגט דער מענטש וואס האט זיין אייגינס הונדערט גילדען: זאל ער קויפען צו קאכין אין טאפ אפונט גרין וואראג (ערד פרוכטען). אז ער האט זיין אייגינס טויזענד גילדען. זאל ער קויפען צו קאכין אין טאפ אפונט פיש (אין דעם ארט פון רבי אליעזר בן עזריה איז גיוועזן פיש וועלוועלער וויא פלייש). אז ער האט זיין אייגינס פינף טויזענד גילדען. זאל ער קויפען צו קאכין אין טאפ אפונט פלייש. אז ער האט זיין אייגינס צעהן טויזענד גילדען. זאל ער קאכין פלייש אלע טאג. אונ דיא אנדערע מענטשין ווען זאלען קאכען פלייש. אלע ערב שבת זאלען זייא קאכען פלייש אויף שבת. רב זאגט מיר דארפען

צריכין אנו לחוש לדברי זקן א"ר יוחנן אבא כמשפחת בריאים הוה אבל כגון אנו מי שיש לו פרוטה בתוך כיסו יריצנה לחנוני א"ר נחמן כגון אנו לוין ואוכלין. (משלי כז) כבשים ללבושך כגז כבשים יהי מלבושך. ומחיר שדה עתודים לעולם ימכור אדם שדה ויקח עתודים ואל ימכור אדם עתודים ויקח שדה. ודי חלב עזים דיו לאדם שיתפרנס מחלב גדיים וטלאים שבתוך ביתו. ללחמך ללחם ביתך לחמך קודם ללחם ביתך. וחיים לנערותיך אמר מר זוטרא בריה דרב נחמן תן חיים לנערותיך. מכאן למדה תורה דרך ארץ שלא ילמד אדם את בנו בבשר ויין:

ב א"ר יוחנן (ע"ב) הרוצה שיתעשר יעסוק בבהמה דקה אמר רב חסדא מ"ד (דברים ז) ועשתרות צאנך שמעשרות את בעליהן. וא"ר יוחנן כסא דהרשין ולא כסא דפושרין וה"מ בכלי מתכות אבל בכלי חרס לית לן בה ובכלי מתכות נמי לא אמרן אלא דלא שדי בהו ציבי אבל שדי בהו ציביא לית לן בה וכי לא שדי

ברו

בריאים. רבי יוחנן קרי לרב אבא: כגון אנו. שאין אנו בריאים: מי שאין לו אלא פרוטה ירוצנה לחנוני. ולא יסגף עצמו בעינוי ויעשה בריאות יותר: אמר רב נחמן כגון אנו. רב נחמן אחר דורו של רבי יוחנן היה והעולם היה משתנה והולך ולא היו בריאים כאותן שבימי ר' יוחנן ולפיכך הוא אומר כגון אנו דאפי' אין לנו הפרוטה עלינו ללוות ולאכול: כבשים ללבושך. מקרא הוא בספר משלי קנה לך צאן ויהא לך הגיזין ללבוש: ויקח עתודים. צאן שיש לו מהם חלב לפרנסה וגיזין ללבוש: דיו לאדם. הכי משמע די חלב עזים יהי' לך בחלבם ולא תשחיט ותאכלם: וחיים לנערותיך. לבני ביתך למד דרכי חיים להסתפק במזונות קלים:

כסא דהרשין ולא כסא דפושרין. טוב לשתות כוס של מכשפות ולא לשתות כוס של מים פושרים שרעים הם לגוף: ציבי. פרפי עשבים ותבלין:

טאהן וויא דער אלטער רבי אליעזר זאגט. רבי יוחנן זאגט רב איז געוועזן געבארין פון אגעזונטע משפחה. אונ ער אליין איז אויך געוועזן אגעזונטער מענטש. האט ער געקענט לעבין אן פרייש. אבער מיר וואס מיר זענען שוואכע מענטשין דער וואס האט אגראשין אין בייטיל זאל ער לויפען אין קראם אונ קויפען פרייש אונ עסין. רב נחמן זאגט אזעלכע שוואכע מענטשין וויא מיר זענען מעגין מיר בארגין געלט אונ קויפען פרייש צום עסין:

שלמה המלך האט געזאגט דוא זאלסט קויפען שעפסין צו דיין קליידונג. פון דיא געשארענע וואל פון דיא שעפסין זאל זיין דיין קליידונג. אונ דיא פאר טאהשונג פון דיין פעלד זאל זיין שעפסין: דאס מיינט מען אייביג זאל אמענטש פאר קויפען אפעלד אונ זאל קויפען שעפסין: אונ ער זאל ניט פאר קויפען שעפסין אונ קויפען אפעלד. אין פסוק שטייט עס איז גינוג דיא מילך פון דיא ציגען. עס איז גינוג פאר אמענטשין ער זאל זיך דער נערין פון דיא מילך פון זיינע קאזעס אונ פון זיינע שעפסין וואס ער האט אין שטוב. דעריבער זאל ער זייא ניט שעכטין צום עסין. עס שטייט אין פסוק צוא דיין ברויט צוא דעם ברויט פון דיין שטוב. דיין ברויט איז פריער וויא דער ברויט פון דיין שטוב. פריער זאלסטו שפייזען זיך דער נאך זאלסטו שפייזען דיא מענטשין פון דיין שטוב: עס שטייט אין פסוק וחיים לנערותיך. מר זוטרא בריה דרב נחמן זאגט דוא זאלסט געבין לעבין צוא דיינע שטוב מענטשין. דוא זאלסט זייא ווייזען דעם וועג פון לעבין. מען זאל זיך גענוגען מיט פראסטע עסין. פון באנען לערונט אונז דיא תורה אז אמענטש זאל ניט געוויינען זיינע קינדער מיט פרייש אונ וויין:

ב אמר: רבי יוחנן זאגט אז איינער וויל רייך ווערין זאל ער האנדלען מיט יונגע בהמות (שעפסין קאזעס). רב חסדא זאגט ועשתרות צאנך מיינט מען זייא מאכען רייך זייערע בעלי בתים. נאך האט רבי יוחנן געזאגט מען זאל בעסער טרינקען אגלאז וואסער בעצויבערטע מיט כישוף אונ מען זאל ניט טרינקען אגלאז וואסער ווארעמע. דאס איז נאר אז דיא וואסער איז אין אאייזערנע כלי: אבער אז דיא וואסער איז אין אערדענע כלי. מעג מען טרינקען די וואסער. אונ ווען זאל מען ניט טרינקען דיא ווארעמע וואסער וואס אין אאייזערנע כלי. אז אין די וואסער ליגט גאר ניט. אבער אז אין די וואסער ליגט טיי אדער אנדערע גראזין. מעג מען טרינקען די וואסער. אונ ווען זאל מען ניט טרינקען די ווארעמע וואסער וום אין אאייזערנע כלי

בהו ציביא נמי לא אמרן אלא דלא ציץ אבל ציץ לית קן בה. וא"ר יוחנן מי שהניח לו אביו מעות ורוצה לאבדן ילבש כלי פשתן וישתמש בכלי זכוכית וישכור פועלים ואל ישב עמהם. ילבש כלי פשתן בכיתנא רומיתא וישתמש בכלי זכוכית בזוגיתא חיורתא וישכור פועלים ואל ישב עמהם בתורי דנפיש פסידייהו. דרש רב עוירא זמנין אמר לה משמיה דרב אמי וזמנין אמר לה משמיה דרב אסי מ"ד (תהלים קיב) טוב איש חונן ומלוה יכלכל דבריו במשפט לעולם יאכל אדם וישתה פחות ממה שיש לו וילבש ויתכסה במה שיש לו ויכבד אשתו ובניו יותר ממה שיש לו שהם תלויין בו והוא תלוי במי שאמר והיה העולם:

(דף פה ע"ב) **ג רבי** חייא נפל ליה יאניבא בביתניה וכו' (דף פו) ומי נפל לית יאניבא בביתניה והאמר רבין בר אבא ואמרי לה ר' אבון בר שבא משעלו בני הגולה פסקו הזיקים והזועות והרוחות והרעמים ולא החמיץ יינם ולא לקה פשתנם ונתנו

לין. ברכיה: מי שהניח לו אביו מעות: כלומר מי שלא טרחו בממון וקל בעיניו נאבדו וזהו איבודו: ילבש כלי פשתן. שהם יקרים ולפי דרכו נמצאו שהעושה אלא מאבד ממון ויזהר אדם מהם: ביתנא רומיתא. יקר היה: בתורי. ישכור אדם פועלים וישכור להם שוורים שלו לחרוש והם ישתמשו בשוורים ויפסקום (ל' שבורה) ביערות ובכרמים ובמלאכה לא תעלה לכלום שאינן חוששין לכך: טוב איש חונן: דלים ומלוה אותם וטוב המכלכל דבריו במשפט לפי יכולתו הוא עומד על צרכיו ולא בכל תאות לבו: פחות ממה שיש לו. פחות מנכדי יכולתו וילבש ויתכסה לפי יכולתו שלא יתבייש: ויכבד אשתו. יותר מלפי יכולתו:

יאניבא. תולעת האוכלת פשתן: בני הגולה. לאו לבני כנסת הגדולה קאמר אלא בהנך דורות אחרונים קאמר שהתחילו ללקות בני א"י ביינם ובפשתנם מפני שהקלקלו הדורות ומשעלו מבני בבל לכאן שהיו חסידים פסקו כאן הזועות: והנהו חכמים עיקרם בר' חייא ובניו. שבזכותם באתה טובה זאת ר' חייא ובניו מבבל עלו כדאמרינן בפ"ק דסוכה: זיקים וזועות ורעמים ורוחות. מפרש בברכות בברותא ככולן קללה: זועות. הארץ מזדעזעת: רוחות. זעפא אשטורבוי"ל: בדרב

אויב אין די וואסער איז ניטא קיין גראז; נאר אז די וואסער האט ניט געקאכט. אבער אז די וואסער האט גיקאכט מעג מען טרינקען דיא וואסער. נאך האט רבי יוחנן גזאגט דער מענטש וואס זיין פאטער האט איהם גילאזין געלט ירושה. אונ ער וויל זייא פאר לירען. זאל ער גיין גיקליידט אין ליינוואנדענע קליידער. אונ ער זאל ניצען מיט גלעזערנע כלים. אונ ער זאל דינגען ארבעטער אונ ער זאל ניט זיצען נעבין זייא. וועלכע ליינוואנדענע קליידער מיינט מען. דיא ליימוואנד פון רוים. וואס זייא זענען גאנץ טייער. וועלכע גלעזערנע כלים מיינט מען. ווייסע גלאז. צו וועלכע ארבעט זאל ער דינגען דיא ארבעטער. אונ זאל ניט זיצען נעבין זייא. ווען דיא ארבעטער ארבעטין מיט אקסען אין די ווין גערטנער. איז דער שאדען זייער גרוים. איין מאהל זייא צוא ברעכין דיא ווין שטאקין. אונ דאס אנדערע דיא בהמות אליין ווערין צעריסען. רב עוירא האט גידרשת אמאהל האט ער דאס גזאגט פון רב אמים ווענין. אונ אמאהל האט ער דס גזאגט פון רב אסים וועגין. עס שטייט אין פסוק עס איז גוט צוא דעם מענטש וואס טוט שיינקען צדקה צו ארעמע לייט. אונ ער טוט פאר בארגען געלט צו ארעמע לייט. אונ זיינע בדערפעניש וואס ער דארף פאר זיך אונ זיינע שטוב מענטשין ווערט געפירט זייער קארג נאר וואס מען דארף נייטיג. אבער ניט וואס עס גלוסט; אייביג זאל אמענטש עסין אונ טרינקען ווייניגער וויא זיין פאר מעגין. אונ קליידונג זאל ער האבען אזוי וויא זיין פאר מעגין. אונ צוא זיין ווייב אונ קינדער זאל ער מאכען קליידונג מער וויא זיין פאר מעגין; ווארום זיי קוקען דאך נאר אויף איהם. אונ ער קוקט אויף גאט. אזוי וויא ער וועט שפייזען זיין ווייב אונ קינדער. אזוי וועט גאט אים צו שיקען זיין פרנסה:

ג רבי חייא האט גיהאט פלאקס. איז אריין גיפאלען דר ווארעם וואס הייסט יאניבא אין זיינע פלאקס אונ האט זייא שאדין גימאכט. פרעגט דיא גמרא איז דען אריין גיפאלען א ווארעם אין דיא פלאקס פון רבי חייא. רבין בר אבא האט דאך גזאגט. אנדערע זאגען רבי אבין בר שבא האט גזאגט ווען עס זענען גיקומען די צדיקים פון בבל אין ארץ ישראל. האט אויף גיהערט צוא זיין אין ארץ ישראל בליצען אונ ערד ציטערניש אונ שטורעם ווינטען אונ דונערין אונ דיא וויינען זענען ניט זויער גיווארין אונ קיין ווארעם איז ניט אריין גיפאלען אין זייערע פלאקס;

ונתנו הכמים עיניהם בר' חייא ובניו כי מהני זכותייהו אעלמא אדידהו לא כדרב יהודה אמר רב דאמר ר' יאמר רב בכל יום ויום בת קול יוצאת ואומרת כל העולם כולו ניזון בשביל הנינא בני וחנינא בני די לו בקב חרובין מערב שבת לערב שבת:

(דף פז) **ד תניא** (ויקרא יז) ושפך וכסה מי ששפך הוא יכסה מעשה באחד ששחט וקדם חברו וכסה וחייבו ר"ג ליתן לו עשרה זהובים. איבעיא להו שכר מצוה או שכר ברכה למאי נ"מ לברכת המזון אי אמרת שכר מצוה אחת היא ואי אמרת שכר ברכה הויין ארבעין מאי ת"ש דא"ל ההוא צדוקי לרבי מי שיצר הרים לא ברא רוח ומי שברא רוח לא יצר הרים דכתיב (עמוס ד) כי הנה יוצר הרים ובורא רוח א"ל שוטה שפיל לסיפיה דקרא ה' צבאות שמו א"ל נקוט לי זמנא תלתא יומי ומהדרנא לך תיובתא יתיב רבי ג' תעניתא כי הוה קא בעי מיברא א"ל צדוקי קאי אבבא אמר ויתנו

יהודה. דאמר זכותא דצדיקי לאחריני מהניא ולא לדידהו בהאי עלמא: חנינא בני. הוא ר' חנינא בן דוסא ובימיו היה קול זה יוצא: דיו בקב חרובין. מתפרנס בצער ובצמצום:

ליתן לו. מפני שהפסידו שכר ולקמן בעי שכר מצוה או שכר הברכה: ברכת המזון: ד' ברכות הן והיכא מ' זהובים ואי בתר מצוה אזלת כוליה הדא מצוה היא: ה' צבאות שמו. אלמא חד הוא דבראינהו: נקוט לי זימנא. תן לי זמן: כי הוה בעי רבי מיברא. כשהיה רבי רוצה לסעוד: אמרו ליה. בני ביתיה ההוא צדוקי שקבעת לו זמן קאי אבבא: אמר. רבי על עצמו המקרא הזה:

האבען די חכמים גיגעבין זייערע אויגען אויף רבי חייא מיט זיינע קינדער. אז דורך זייער זכות איז דאס אלץ גיווארין. ענטפערט דיא גמרא דער זכות פון רבי חייא מיט זיינע קינדער הט נאר גיהאלפען צו דער וועלט. פאר אנדערע מענטשין זייא זאלין ניט שאדין האבין. אבער פאר זייא אליין האט זייער זכות ניט גיהאלפען. דריבער האט רבי חייא יא שאדין גיהאט זיינע פלאקס. אזוי וויא רב יהודה הט גזאגט פון רבם וועגין. אלע טאג גייט ארוים אקול פון הימעל אונ זאגט די גאנצע וועלט ווערט גישפייזט אין דעם זכות פון מיין זוהן חנינא. אונ מיין זוהן חנינא איז אזוי ארעם אז ער האט גינוג אמאס באקסארין פון איין פרייטאג ביז צום אנדערין פרייטאג. זעהן מיר אז דער זכות פון דיא צדיקים איז נאר פאר דער וועלט. אבער ניט פאר זיך אליין:

ד תניא: מיר האבין גילערונט עס שטייט אין פסוק ער זאל פאר גיסען דיא בלוט אונ צוא דעקין. ווער עס האט פאר גאסען דיא בלוט דער זאל צו דעקין. דער פסוק מיינט דער שוחט וואס האט גישאכטען דעם עוף ער זאל צוא דעקין דיא בלוט. עס האט אמאהל גיטראפען איינער האט גישאכטען אעוף. איז גיקומען זיין חבר אונ האט בדעקט דיא בלוט. הט רבן גמליאל גיפסקנת דער חבר זאל געבין צום שוחט צעהן גילדין. האבען דיא תלמידים ניט גיוואוסט פאר וואס גיט ער דיא צעהן גילדין. ווייל ער האט ביי איהם דיא מצוה אוועק גינומען. אדער ווייל ער האט ביי אים דיא ברכה אוועק גינומען. דאס דארף מען וויסין געגין בענטשין. אז מען האט מכבד גיוועזען איינעם ער זאל בענטשין נאך דעם עסין. הט איין אנדערער גיחאפט אונ האט גיבענשט. וויא פיל זאל ער בצאהלען. אז דוא וועסט זאגין ער צאהלט פאר דיא מצוה. דאס בענטשין איז איין מצוה. דארף ער נאר בצאהלען צעהן גילדין. אבער אז דוא וועסט זאגין אז ער צאהלט פאר דיא ברכה. ברכות פון בענטשין זענען דאך פיר. דארף ער בצאהלען פערציג גילדין. זאגט דיא גמרא איך וועל דיר ענטפערין. אאפיקורוס האט אמאהל גזאגט צו רבי דער וואס האט בשאפען דיא בערג האט ניט בשאפען דעם ווינט. אונ דער וואס האט בשאפען דעם ווינט האט ניט בשאפען דיא בערג. ווארום עס שטייט אין פסוק כי הנה יוצר הרים ובורא רוח. בייא דיא בערג שטייט יוצר. אונ ביי דעם ווינט שטייט בורא. ווייל דער גאט פון דיא בערג הייסט יוצר אונ דער גאט פון ווינט הייסט בורא. האט רבי גזאגט צום אפיקורוס דוא שוטה זעה דעם סוף פון פסוק. ה' צבאות שמו. דער נאמען פון גאט איז ה' צבאות. ווייל ער האט בשאפען אלע זאכען וואס עס איז דא אויף דעם הימעל אונ אויף די ערד. האט דער אפיקורוס גזאגט צו רבי גיב מיר צייט דרייא טעג וועל

ויהנו בברותי ראש. בסעודתי ניהנין מזה לכוס של ברכה דלא איכפת ליה אלא לצדוקי ההוא כבר נבערו של הראשון שעלה נגע ומת: מ' זהובים. שכר ד' ברכות שענה אחריך אמן: לאותה משפחה של מגבר:
רחמנא. אלא לית ביה מגמגמת: דינר זהב. לקמיה יליף ועפרות זהב לו:
[הנאה ליכא. במצוה זו דכולהו כסוי נמי הוו מיהת כי בער אבל באפר פרה איכא הנאה שמטהרו את הטמא דהאי לאו אפר אין לו טהרה עולמית]:
עפר סוטה. מטיל שלום בין איש לאשתו ונקתה ונזרעה זרע:

(תהלים כט) ויהנו בברותי ראש וגו' אמר ליה רבי מבשר טובות אני לך לא מצא אויבך תשובה ונפל מן הגג ומת א"ל רצונך שתסעוד אצלי אמר ליה הן לאחר שאכלו ושתו א"ל כוס של ברכה אתה שותה או ארבעים זהובים אתה נוטל א"ל כוס של ברכה אני שותה יצאה בת קול ואמרה כוס של ברכה שוה ארבעין זהובים א"ר יצחק עדיין ישנה לאותה משפחה בין גדולי רומי וקוראין אותה משפחת בר לויאנוס:

(דף פח ע"ב) **ה** **היה** מהלך במדבר ואין לו עפר לכסות שוחק דינר זהב וכוכבה היה מהלך בספינה ואין לו עפר לכסות שורף טליתו וכוכבה בשלמא שורף טליתו ומססה אשכחן אפר דאיקרי עפר אלא מדינרי זהב מנ"ל אמר ר' זירא (איוב כח) ועפרות זהב לו:

ואמר רבא בשכר שאמר אברהם אבינו (בראשית יח) ואנכי עפר ואפר זכו בניו לב' מצות אפר פרה ועפר סוטה וליחשיב נמי עפר כסוי הדם התם הכשר מצוה איכא הנאה ליכא

ואמר

איך דיר ענטפערין. האט רבי גיפאסט דיא דריי טעג. וויא רבי האט גיוואלט גיין עסין. האט מען גיזאגט צו איהם דער אפיקורוס שטייט בייא דיא טיר. האט רבי גיזאגט דעם פסוק ויהנו בברותי ראש. מען האט גיגעבען אין מיין עסין גאל. ווארום רבי האט גיטראכט אז דער אפיקורוס וועט איהם מצער זיין ביי זיין עסין. דער נאך האט מען גיזעהן אז עס איז נאר איין אנדער אפיקורוס. האט דער אפיקורוס גיזאגט צו רבי איך בין דיר גיקומען זאגען אגוטע זאך דיין פיינד האט ניט גיפונען וואס דיר צו ענטפערין איז ער אראפ גיפאלען פון דאך אונ איז גיהרגת גיווארין. האט רבי גיזאגט צום אפיקורוס אויב דוא ווילסט עס ביי מיר. האט דער אפיקורוס גיזאגט יא איך וועל עסין. דער נאך וויא זייא האבען אפ גיגעסען אונ אפ גיטרונקען ואונ ווייל דער צדוקי האט גידארפט בענטשין. ווארום דער דין איז דער גאסט בענטשט. דריבער) האט רבי גיפרעגט דעם צדוקי וואס ער וויל בעסער. ער זאל בענטשין אויף אכוס אונ נאך דעם בענטשין זאל ער טרינקען דעם כוס פון בענטשין. אדער רבי זאל בענטשין אונ ער וועט איהם געבין פערציג גילדין פאר דיא פיר ברכות. האט דער צדוקי גיזאגט איך וויל בענטשין אויף אכוס אונ וועל טרינקען דעם כוס נאך דעם בענטשין. איז ארוים גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גיזאגט דער כוס פון בענטשין איז ווערט פערציג גילדין. רבי יצחק האט גיזאגט דיא משפחה פון דעם אפיקורוס וואס האט גיבענטשט ביי רבי איז נאך דא. אונ זייא ווערין גירעכנט צווישען דיא גרעסטע פון רוים. אונ מען רופט זייא דיא משפחה פון בר לויאנוס:

ה היה. ווען איינער איז גיגאנגען אין דער מדבר אונ ער האט גישאכטען אעוף אונ ער האט ניט מיט וואס צוא בדעקין דיא בלוט. זאל ער צוא שטויסען אגאלדענעם גילדען אונ זאל מיט דעם גאלד בדעקין דיא בלוט. אויב ער איז גיגאנגען אין אשיף אונ הט גישאכטן אעוף אונ ער האט ניט קיין ערד צו בדעקין דיא בלוט. זאל ער פאר ברענען זיין קלייד אונ מיט דיא אש זאל ער בדעקין דיא בלוט. פרעגט דיא גמרא צו פאר ברענען זיין קלייד אונ מיט דיא אש בדעקין דיא בלוט איז רעכט. ווארום מיר געפינען אז אש ווערט גירופען ערד. אבער פון וואנען ווייסען מיר אז מיט גאלד מעג מען בדעקין דיא בלוט. אין דער תורה שטייט דאך אז מיט ערד זאל מען בדעקין דיא בלוט. האט רבי זירא גיזאגט גאלד ווערט גירופען ערד. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ועפרות זהב לו. ער האט גאלד שטויב:

(דף פט) **ואמר** רבא בשכר שאמר אברהם (שם יד) אם מחוט ועד שרוך נעל זכו בניו לב' מצות לחוט של תכלת ורצועה של תפילין בשלמא רצועה של תפלין כתיב (דברים כח) וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ותניא ר א הגדול אומר אלו תפלין שבראש אלא חוט של תכלת מאי היא דתניא ר"מ אומר מה נשתנה תכלת מכל הצבעונין מפני שתכלת דומה לים וים דומה לרקיע ורקיע דומה לאבן ספיר ואבן ספיר דומה לכה"כ דכתיב (שמות כד) ויראו את אלהי ישראל ותחת רגליו וגו' וכתיב (יחזקאל א) כמראה אבן ספיר דמות כסא. א"ר אבא קשה גזל הנאכל שאפילו צדיקים גמורים אינן יכולין להחזירו שנאמר (בראשית יד) בלעדי רק אשר אכלו הנערים:

אם מחוט ועד שרוך. שלא רצה ליהנות מן הגזל: שרוך. רצועה: חוט של תכלת. בציצית: רצועה של תפילין. לקשור: בשלמא רצועה של תפילין איכא הנאה. דכתיב ויראו ממך: אלו תפילין שבראש. אות הן לכל כי שם ה' נקרא עליך: מאי היא. מאי הנאה איכא: מה נשתנה תכלת. שהזקיקתו תורה לציצית: שהתכלת דומה לים. שהלזון מן הים הוא עולה אחת לע' שנה ומראית דמו דומה לים וים אנו רואין שדומה לרקיע ורקיע דומה לספיר וספיר לכסא הכבוד דכתיב ותחת רגליו כמעשה לבנת הספיר והוא כעצם השמים אלמא שמים דומין לספיר וספיר הוא כסא הכבוד דכתיב כמראה אבן ספיר דמות כסא וכשהקב"ה מסתכל בכסא הכבוד שלו נזכר במצוה זו שהיא כנגד כל המצות: הנאכל. הגוזל ואוכל קשה הוא לעשות תשובה:

אמר

ך אמר. רבא האט געזאגט ווייל אברהם אבינו האט געזאגט איך בין ערד און אש. דריבער האבען זיינע קינדער זוכה געוועזן צו צוויי מצות. צו דיא אש פון דיא פרה אדומה. און צו דיא ערד פון דיא סוטה: פרעגט דיא גמרא זאל מען רעכענען דיא מצוה צוא דעקען דיא בלוט מיט ערד. ענטפערט דיא גמרא ביי דיא צוויי מצות איז דא הנאה. און אמצוה. אז מען שפריצט אויף אטמא דיא וואסער מיט אש פון דיא פרה אדומה. איז אמצוה און ער האט הנאה ער ווערט טהור. און אז מען גיט טרינקען דיא סוטה דיא וואסער מיט דיא ערד איז אויך אמצוה און מען האט הנאה. אויב די אשה איז ניט טמא געווארין וועט זיין שלום ביי איר מיט איר מאן. אבער ביי דעם בדעקין דם בלוט מיט ערד איז נאר אמצוה. אבער ניט הנאה. ווארום אפילו מען בדעקט ניט דאס בלוט מעג מען אויך דעם עוף עסין:

ז ואמר. נאך האט רבא געזאגט ווייל אברהם אבינו האט געזאגט צום מלך פון סדום איך וויל ביי דיר ניט נעמען ניט אפאדים און ניט אשנירול פון אשוך. דריבער האבען זיינע קינדער זוכה געוועזן צוא צווייא מצות. צוא דעם פאדים תכלת וואס אין דיא ציצית. און צוא דיא רצועות פון תפלין. פרעגט דיא גמרא פון דיא רצועות פון תפלין האבען דיא יודען הנאה. ווארום עס שטייט אין פסוק אלע פעלקער פון דער וועלט וועלין זעהן אז דער נאמען פון גאט ווערט אויף דיר גירופען וועלין זייא פאר דיר מורא האבען. און מיר האבען גילערונט רבי אליעזר הגדול זאגט דאס מיינט מען דיא תפלין וואס אויף דעם קאפ: אבער וואס פאר הנאה האבען דיא יודען פון דעם פאדים תכלת. ענטפערט דיא גמרא מיר האבען גילערונט רבי מאיר זאגט פאר וואס איז גיענדערט דיא פארב תכלת מער פון אלע פארבען. ווס דיא תורה האט געזאגט אז אין דיא ציצית זאל זיין איין פאדעם גיפארבט תכלת: נאר ווייל די פארב תכלת איז גלייך צו דיא וואסער פון ים. און דיא וואסער פון ים איז גלייך צום הימעל. און דער הימעל איז גלייך צום שטיין ספיר. און דער שטיין ספיר איז גלייך צום כסא הכבוד. אזו וויא עס שטייט אין פסוק זייא האבען גיזעהן דעם גאט פון דיא יודען און אונטער זיינע פיס איז געוועזן וויא דיא ווייסקייט פון ספיר. און עס שטייט אין פסוק אזוי וויא דער קאלאר פון שטיין ספיר אזוי איז דער קאלאר פון כסא הכבוד. און אז גאט קוקט אויף דעם כסא הכבוד גידיינקט ער דיא מצוה ציצית וואס דיא יודען זענען מקיים. ער זאל אויף זיי רחמנות האבען. רבי אבא זאגט אז מען האט גיגזלט און אויף גיגעסען איז שווער אויף דעם צו טאהן תשובה. און אפילו אמתה צדיקים קענען דאס ניט צוריק געבין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אברהם אבינו האט געזאגט צום מלך פון סדום נאר וואס דיא יונגען האבען גיגעסן קען איך דיר ניט צוריק געבין:

ח א"ר יוחנן משום ר' אלעזר בר' שמעון כל מקום שאתה מוצא דבריו של ר' אליעזר בנו של יוסי הגלילי בהגדה עשה אזנך כאפרכסת (דברים ז) לא מרבכם מכל העמים חשק ה' בכם וגו' אמר להם הקב"ה לישראל חושקני בכם שאפילו בשעה שאני משפיע לכם גדולה אתם ממעטין עצמכם לפני נתתי גדולה לאברהם אמר לפני (בראשית יח) ואנכי עפר ואפר למשה ואהרן אמרו (שמות טז) ונחנו מה לדוד אמר (תהלים כב) ואנכי תולעת ולא איש אבל אוה"ע אינם כן נתתי גדולה לנמרוד אמר (בראשית יא) הבה נבנה לנו עיר לפרעה אמר (שמות ה) מי ה' לסנחריב אמר (מ"ב יח) מי בכל אלהי הארצות וגו' לנבוכדנצר אמר (ישעיה יד) אעלה על במתי עב גו' לחירם מלך צור אמר (יחזקאל כח) מושב אלהים ישבתי בלב ימים. אמר רבא ואי תימא ר' יוחנן גדול הנאמר במשה ואהרן יותר ממה שנאמר באברהם דאלו באברהם כתיב ואנכי עפר ואפר ואלו במשה ואהרן כתיב ונחנו מה. ואמר רבא ואיתימא רבי יוחנן אין העולם מתקיים אלא בשביל משה ואהרן כתיב הכא ונחנו מה וכתיב התם (איוב כו) תולה ארץ על בלימה:

באפרכסת. טורמוי"א: לא מרבכם. לפי שאין אתם מרבין עצמכם אלא ממעטין לפיכך חשק בכם כי אתם המעט ממעיטין עצמכם בעטה: נמרוד. מלך בדור הפלגה היה ולכך נקרא שמו נמרוד שהמריד כל העולם במלכותו על הקב"ה מושב אלהים ישבתי. שבנה לו ז' רקיעים של נחשת ועלה וישב עליהם: תולה ארץ. על זכות אותן שמחשבו לבלימה:

ח אמר. רבי יוחנן האָט געזאָגט פון רבי אלעזר בר רבי שמעון ווען דו וועסט געפינען די רייד פון רבי אליעזר בנו של רבי יוסי הגלילי אין אגדתא (דרשות פון פסוקים) זאָלסטו מאַכען דיינע אויערין אַזוי ווי אַזיפּ. זיינע רייד זאָלען אַריין גיין אין דיינע אויערין. עס שטייט אין פּסוק ניט ווייל איר זענט מער פון אַלע פעלקער האָט גאָט גיגרוסט אין אייך וואָרום איר זענט ווייניג. גאָט האָט גיזאָגט צו די יודען איך גלוסט אין אייך ווייל ווען אַפילו איך גיב אייך גרויסקייט. מאַכט איר אייך קליין פאַר מיר. איך האָב גיגעבן גרויסקייט צוא אַברהם. האָט ער גיזאָגט פאַר מיר איך בין ערד אונ אַש. איך האָב גיגעבן גרויסקייט צוא משה מיט אַהרן. האָבען זייא גיזאָגט וואָס זענען מיר. מיר זענען גאָר נישט. איך האָב גיגעבען גרויסקייט צוא דוד. האָט ער גיזאָגט איך בין אַוואָרעם ניט אַמענטש. אָבער די פעלקער זענען ניט אַזוי. איך האָב גיגעבן גרויסקייט צוא נמרוד. האָט ער גיזאָגט מיר וועלין באַהען אַשטאָט מיט אַטאָרעם ביז צום הימעל. איך האָב גיגעבין גרויסקייט צו פּרעה. האָט ער גיזאָגט ווער איז גאָט וואָס איך זאָל איהם פאָלגין. איך האָב גיגעבען גרויסקייט צוא סנחריב. האָט ער גיזאָגט ווער זענען דען אַלע געטער פון די לענדער. האָבען זייא דען גיקענט ראַטין די לענדער פון מיינע הענט. וועט גאָט אויך ניט קענען ראַטין ירושלים פון מיינע הענט. איך האָב גיגעבען גרויסקייט צוא נבוכדנצר. האָט ער גיזאָגט איך וועל אַרויף גיין צוא די וואָלקינס איך וועל זיין גלייך צוא גאָט. איך האָב גיגעבען גרויסקייט צוא חירם דער קעניג פון צור. האָט ער גיזאָגט איך זו על אויך זיצען אַזוי ווי גאָט (אונ ער האָט גימאַכט זיבען קופּערנע הימלען אונ ער איז גיזעסען אויף דעם זיבעטין הימעל. איבער דעם ים. אונ ער האָט גיזאָגט ער איז גאָט). רבא האָט גיזאָגט. אַנדערע זאָגען רבי יוחנן האָט גיזאָגט די נידעריגקייט וואָס משה אונ אַהרן האָבען אויף זיך גיזאָגט. איז מער ווי די נידעריגקייט וואָס אַברהם האָט אויף זיך גיזאָגט. אַברהם האָט אויף זיך גיזאָגט איך בין ערד אונ אַש. וואָס דאָס איז עפּעס ווערט. אונ משה מיט אַהרן האָבען אויף זיך גיזאָגט מיר זענען גאָר ניט. אַפילו ערד אונ אַש אויך ניט. נאָך האָט רבא גיזאָגט אונ אַנדערע זאָגען רבי יוחנן האָט גיזאָגט. די וועלט שטייט נאָר אין דעם זכות פון משה מיט אַהרן. וואָרום דאָ שטייט משה מיט אַהרן האָבען גיזאָגט ונחנו מה. מיר זענען גאָר נישט. אונ דאָרט שטייט די ערד איינגט על בלימה. אויף גאָר נישט. דאָס מיינט מען די ערד איינגט אויף דעם זכות פון משה מיט אַהרן וואָס זיי האָבען גיזאָגט מיר זענען גאָר נישט:

ו אמר רבי אילעא אין העולם מתקיים אלא בשביל מי שבולם את עצמו בשעת מריבה שנאמר (שם) תולה ארץ על בלימה ר' אבהו אמר מי שמשים עצמו כמי שאינו שנאמר (דברים לג) ומתחת זרועות עולם. א"ר יצחק מ"ד (תהלים נח) האמנם אלם צדק תדברון. מישרים תשפטו בני אדם מה אומנותו של אדם בעה"ז ישים עצמו כאלם יכול אף לדברי תורה ת"ל צדק תדברון יכול יגים דעתו ת"ל מישרים תשפטו בני אדם:

בבולם עצמו. כעגל את פיו ודומה לו בבכורות פיו בלום ורגליו מבולמות: ומתחת. מי שמשים תחת הכל הוא זרועות עולם: האמנם אלם. אם אמת יפה הוא האלם אבל צדק יהיו דברי תורה והוי תדברון: מישרים. במישור אדן הלכה במותה לידכם:

כבנה מאות כור. דמן כל לבור גדול שמחלקין לו מן הגדדין קרי הפות וכן גבי יקב במסכת ע"ז דורכין עם הנכרי בגת ואף ע"ג שמטל בידו ומוכן להפות: גוזמא. מילתא בעלמא ולאו דוקא דמעולם לא הגיע לג' מאות כור: השקו את התמיד. כשבאין לשוחטו משקין אותו והוא נוח להפשיט: גוזמא. דכוס של זהב לאו דוקא: לשון הבאי. לשון הדיוט שאין מדקדק בדבריו ואלא בפיו דבר שאינו ולא ביכוין נבקר הלא לא דק:

גיד הנשה פרק שביעי

(דף צ ע"ב) א תנן התם תפוח היה באמצע המזבח פעמים היה עליו כשלש מאות כור אמר רבא גוזמא. השקו את התמיד בכוס של זהב אמר רבא גוזמא. א"ר אמי דברה תורה לשון הבאי דברו נביאים לשון הבאי דברו חכמים לשון הבאי.

ט אמר. רבי אילעא האט גזאגט די וועלט שטייט נאר אין דעם זכות פון דעם מענטשין וואס מאכט צו זיין מויל ווען מען קריגט מיט איהם און ער ענטפערט ניט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דיא ערד איינגט על בלימה; אויף דעם מענטש וואס מאכט צוא זיין מויל ווען מען קריגט מיט איהם און ער ענטפערט ניט. רבי אבהו זאגט דער מענטש וואס איז ביא זיך וויא נאר נישט. אויף זיין זכות שטייט דיא וועלט; אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ומתחת (דער מענטש וואס איז אונטער אלע מענטשין. ער איז נידעריג ביא זיך) זרועות עולם (ער האלט אויף מיט זיינע הענט דיא וועלט). רבי יצחק האט גזאגט עס שטייט אין פסוק האמנם אלם צדק תדברון מישרים תשפטו בני אדם; וואס זאל זיין דיא ארבעט פון מענטשין אויף דער וועלט. ער זאל זיך מאכען וויא שטום (האמנם איז דער טייטש ארבעט. און אלם איז דער טייטש שטום). ער זאל נאר ווייניג ריידען. וואלט איך מיינען ער זאל תורה אויך ניט ריידן. שטייט אין פסוק צדק תדברון. תורה זאלט איר ריידען. איך וואלט מיינען אז ער זאל מעגין זיין גרויס ביי זיך. שטייט אין פסוק מישרים תשפטו בני אדם. מיט גלייכקייט זאלט איר משפטין אלע מענטשין. אלע מענטשין זאלן ביי דיר זיין גלייך מיט דיר:

פרק שביעי

א תנן. מיר האבען גילערונט דיא אש איז גיוועזן אין מיטען מזבח אקייעכדיגער בארג אזוי וויא אעפיל; אמאהל איז גיוועזן אין דעם בארג דריי הונדערט כור אש (אכור איז אגאנץ גרויסע מאס פון דרייסיג סאה). רבא זאגט דריי הונדערט כור אש איז אין דעם בארג קיין מאהל נישט גיוועזן. נאר דיא משנה זאגט אגוזמא. עס איז גיוועזן זייער פיל אש. האפט די משנה אן אגרויסען צאהל פון דרייא הונדערט כור. נאך שטייט אין דער משנה מען האט גיגעבען דעם שעפס פון קרבן תמיד צוא טרינקען פון אגאלדענעם בעכער. רבא זאגט דער שעפס האט קיין מאהל ניט גיטרונקען פון אגאלדענעם בעכער. נאר דיא משנה זאגט אגוזמא עס איז גיוועזן אשיינער בעכער וואס ער האט אויס גיזעהן אזוי וויא גאלד. רבי אמי זאגט מיר געפינען אז דיא תורה רעט אזוי וויא מענטשין ריידען. וואס זייא זאגען אמאהל אויף אזאך צו פיל. און די נביאים רעדין אויך אמאל אויף אזאך צו פיל. און אזו אויך די חכמים. אז די חכמים רעדין אמאהל אויף אזאך צוא פיל ווייסען מיר שוין. וואס זייא האבען גזאגט אז אין דעם בארג אש איז גיוועזן דרייא הונדערט כור. און דער תמיד האט גיטרונקען פון אגאלדענעם בעכער. וואס

דברו חכמים לשון הבאי הא דאמרן. דברה תורה לשון הבאי (דברים א) ערים גדולות ובצורות בשמים. דברו נביאים לשון הבאי (מ"א א) ותבקע הארץ בקולם. א"ר יצחק בר נחמני אמר שמואל בג' מקומות דברו חכמים לשון הבאי ואלו הן תפוח גפן ופרוכת. תפוח הא דאמרן. גפן דתנן גפן של זהב היתה עומדת על פתחו של היכל ומודלת ע"ג כלונסות וכל מי שהיה מתנדב גרגיר או אשכול מביא ותולה בה א"ר אלעזר ברבי צדוק מעשה היה ונמנו עליו ג' מאות כהנים לפנותה. פרוכת דתנן רשב"ג אומר משום רבי שמעון הסגן פרוכת עביה טפח ועל ע"ב נירים נארגת ועל כל נימא ונימא כ"ד חוטין ארכה ארבעים באמה ורחבה עשרים באמה ומשמונים ושתי רבוא נעשית ושתים עושים בשנה וג' מאות כהנים מטבילין אותה:

רבי

בשמים. אלמא לא דק וכן ותבקע הארץ דאדוניה דמלאה מקול ההמון כאילו היא נבקעת אבטורני"ר בלעז: בג' מקומות וכו'. אבל כוס של זהב דתמיד דוקא הוא דאין עניות במקום עשירות: גפן. כמין גפן היא עשויה ומודלה על הכלונסות: ש' כהנים. גוזמא: נירין. לינ"ץ: כ"ד חוטין. מקראי ילפינן במסכת יומא פרק בא לו כ"ג שהוטה כפול כ"ד: ארכה מ' ורחבה כ'. ארכה לגובה של פתח אולם ורחבה לרחבו שפתח האולם גבהו מ' ורחבו כ' ופרוכת פרוסה נגדו לצניעות בעלמא כך במעתי. וכ"ל שאף פרוכת הדביר כך מדתה רחבה לרחבו של היכל שהוא כ' אמה וגבהה לגבהו מן הטליה ועד הכלפה: ומשמונים ושתים רבוא. הוטין ל"א ריבות נשרות הטבוקות נה: וכלם מאות כהנים מטבילין אותה. כשהיא נטמאה והיינו לשון הבאי דלא בעי כולי האי:

רֶעט אַמָאהל דִיא תּוֹרָה אוֹיף אַזַאךְ צוּ פִיל. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִיא שְׁטֶעט זֶענֶען גְרוֹיס אוּנ פֶעסְט בִּיז צוּם הִימֶעל. זֶענֶען דֶען דִיא שְׁטֶעט גְרוֹיס בִּיז צוּם הִימֶעל. וואו רֶעדִין דִיא נְבִיאִים אוֹיף אַזַאךְ צוּא פִיל. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִיא עֶרְד אִיז צוּא שְׁפָּאלְטֶען גִיוָוארֶען פוּן זֵייעֶר גִישְׁרֵייא. אִיז דֶען דִיא עֶרְד צוּא שְׁפָּאלְטֶען גִיוָוארִין פוּן זֵייעֶר שְׁרֵייעֶן. נָאר עֶס אִיז צוּ פִיל פַאר גְרֶעסֶערְט דִי זַאךְ אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וִויסֶען אַז דָאס גִישְׁרֵייא אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס. אוּנ דִי שְׁטֶעט זֶענֶען גִיוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס. אוּנ דֶער בֶּעכֶער אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין. אוּנ דִי אַשׁ אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר פִיל: רַבִּי יִצְחָק בַּר נַחְמָנִי זָאגְט פוּן שְׁמוּאֵלס וֶועגִין אִין דְרַייא עֶרְטֶער הָאבֶּען דִיא חֲכָמִים גִירֶעט אוֹיף אַזַאךְ צוּא פִיל. דָאס זֶענֶען דִיא דְרַייא זַאכֶען. אוֹיף דִי אַשׁ פוּן מִזְבֵּחַ. אוּנ אוֹיף דֶעם וַויינְשְׁטָאק. אוּנ אוֹיף דֶעם פָּרוֹכֶת. דִיא אַשׁ פוּן מִזְבֵּחַ שְׁטֵייט שׁוֹין פְרִיעֶר (אוּנ רַבִּי יִצְחָק הַאלְט אַז דֶער שֶׁעפְּס פוּן קָרְבָּן תָּמִיד הָאט טַאקִי גִיטְרוּנְקֶען פוּן אַגָאלְדֶענֶעם בֶּעכֶער). מִיט דֶעם וַויינְשְׁטָאק הָאבֶּען מִיר אַזוֹי גִילֶערוּנְט. אַגָאלְדֶענֶער וַויינְשְׁטָאק אִיז גִישְׁטַאנֶען בַּייא דִי טִיר פוּן הֵיכָל. אוּנ עֶר אִיז גִיוֶוען אוּנְטֶער גִילֶעגְט מִיט שְׁטֶעקְבַּאךְ עֶר זָאל זִיךְ נִיט אַרָאפּ בֵּייגֶען צוּא דִיא עֶרְד. אוּנ וֶועלְכֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גִיגֶעבִּין אַנְדָבָה צוּם בֵּית הַמִקְדָשׁ גָאלְד גִימַאכְט וִויא אַוויינְטְרוֹיב. אָדֶער וִויא אַצְוַוייגִיל וַויינְטְרוֹיבֶּען. הָאט עֶר דָאס אוֹיף גִיהָאנְגֶען אוֹיף דֶעם וַויין שְׁטָאק. רַבִּי אֶלְעָזָר בְּרַבִּי צָדוֹק זָאגְט עֶס הָאט אַמָאהל גִיטְרָאפֶען מֶען הָאט גִידַארְפְט דֶעם וַויינְשְׁטָאק צוּא נֶעמֶען פוּן אָרְט. הָאבֶּען גִימוּזְט צוּא גֵיין דְרַייא הוּנְדֶערְט כֹּהֲנִים זֵייא זָאלֶען קֶענֶען נֶעמֶען דֶעם וַויינְשְׁטָאק פוּן אָרְט. אַזוֹי שְׁוֶוער אִיז עֶר גִיוֶוען. אוּנ דָאס אִיז אַגוּזְמָא. דֶער וַויין שְׁטָאק אִיז טַאקִי גִיוֶוען גַאנְץ שְׁוֶוער. מֶען הָאט גִידַארְפְט צוּא אִיהם פִיל כֹּהֲנִים. אָבֶּער נִיט דְרַייא הוּנְדֶערְט: מִיט דֶעם פָּרוֹכֶת הָאבֶּען מִיר אַזוֹי גִילֶערוּנְט. רַבָּן שִׁמְעוֹן בֶּן גַמְלִיאֵל זָאגְט פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן הַסְגָן וֶועגִין דֶער פָּרוֹכֶת אִיז גִיוֶוען גְרָאבּ אַטֶפַח (וִויא דִיא גְרֶעבּ פוּן דִיא הַאנְט). אוּנ עֶר אִיז גִיוֶועבְּט גִיוָוארִין אוֹיף צְוַוייא אוּנ זִיבֶּעצִיג נִירִים (נִירִים זֶענֶען דִי שִׁיצֶען וָואס דִיא לַאנְגֶע פֶעדִים וֶוערִין דוּרְךְ זֵייא גִיצוֹיגֶען). אוּנ יֶעדֶער פָאדֶעם אִיז גִיוֶוען גִיפְלָאכְטֶען פוּן פִיר אוּנ צְוַואנְצִיג פֶעדִים. דִיא לֵיינְג פוּן פָּרוֹכֶת אִיז גִיוֶוען פֶערְצִיג אֵיילֶען. אוּנ דִיא בְּרֵייט אִיז גִיוֶוען צְוַואנְצִיג אֵייל֒עֶן. אוּנ פוּן צְוַוייא אוּנ אַכְטְצִיג מָאהל צֶעהְן טוֹיזֶענְד פֶעדִים אִיז גִימַאכְט גִיוָוארֶען דֶער פָּרוֹכֶת. אוּנ יֶעדֶער יָאהר הָאט מֶען גֶעמַאכְט צְוַוייא פָּרוֹכֶתִין. אוּנ אַז דֶער פָּרוֹכֶת אִיז טָמֵא גִיוָוארִין אוּנ מֶען הָאט אִיהם גִידַארְפְט טוֹבֵל זַיין אִין אַמִקְוֶה: הָאבֶּען אִיהם גִיטְרָאגֶען דְרַייא הוּנְדֶערְט כֹּהֲנִים. אוּנ דָאס אִיז אַגוּזְמָא. דֶער פָּרוֹכֶת אִיז טַאקִי גִיוֶוען גַאנְץ שְׁוֶוער. מֶען הָט גִידַארְפְט צוּא אִים פִיל כֹּהֲנִים. אָבֶּער נִיט דְרַייא הוּנְדֶערְט:

(דף צא) **ברבי** יהושע בן לוי אמר כתיב (בראשית לב) בהאבקו עמו כאדם שחובק עם חבירו וידו מגעת לכף ימינו של חבירו ר' שמואל בר נחמני אמר כעכו"ם נדמה לו דאמר מר ישראל שנטפל לו עכו"ם בדרך טופלו לימינו רב שמואל בר אחא קמיה דרב פפא משמיה דרבא בר עולא אמר כת"ח נדמה לו דאמר מר המהלך לימין רבו הרי זה בור ורבנן מאחוריה אתא נשייה בתרווייהו. ורבנן האי בהאבקו עמו מאי דרשי ביה מיבעי ליה לכאידך דריב"ל דאמר ריב"ל מלמד שהעלו אבק ברגליהם עד כסא הכבוד כתיב הכא בהאבקו עמו וכתיב התם (נחום א) וענן אבק רגליו:

ג ואמר ר' יהושע בן לוי למה נקרא שמו גיד הנשה שנשה ממקומו ועלה וכן הוא אומר (ירמיה נא) נשתה

(בהאבקו עמו. מחלוקת בין רבנן ור' יהודה לענין גיד הנשה דרבנן סברי נוהג בירך של ימין ובשל שמאל ור' יהודה סבר אינו נוהג אלא בשל ימין ואתא ר' יהושע ב"ל לתת טעם לד' ר' יהודה ואמר בהאבקו עמו משמע) : כאדם שחובק את חבירו. מלפניו וידו הימנית מגעת לכף ירך ימנית של חבירו מאחוריו : כעכו"ם נדמה לו. כסבור היה יעקב שהוא עכו"ם וטפלו לימינו כדי שיהא מזומן לאחוז אם יקום עליו ובירך השמוכה לו נגע: טופלו לימינו. מחברו לימינו : כת"ח נדמה לו. והלך לו יעקב כבוד כאילו הוא רבו וטפלו לימינו כדי שיהא יעקב לשמאל המלאך : ה"ז בור. אין בו חכמה ודרך ארץ : ורבנן. פליגי אדרבי יהודה ואסרי בתרווייהו קסברי מאחוריו אתא ונשייה בתרווייהו הכהו בשתיהן עד שנשו ממקומן ועלו : האי בהאבקו מאי דרשי ביה. ל"ל למיכתב ה כלל אי לאו למימרא דבדרך המאבקין נגע בו :

נשה

ב רבי יהושע בן לוי זאגט עס שטייט אין פסוק בהאבקו עמו. דער מלאך הט ארום גענומען יעקב אבינו אזוי וויא אמענטש וואס בגעגינט זיין חבר אפנים געגן אפנים אונ ער גענומט ארום זיין חבר אונ מיט זיין רעכטע האנט רירט ער אן זיין רעכטע זייט פון זיין חבר. דורך אינטען. אזוי האט דער מלאך אן גערירט דיא רעכטע זייט פון יעקב אבינו : רבי שמואל בר נחמני זאגט דער מלאך האט אויס גיזעהן בייא יעקב אזוי וויא אגוי. אונ דער תנא הט גזאגט אז איוד גייט אין וועג אונ אגוי קומט צו איהם אונ ער וויל גיין מיט איהם צו זאמען. זאל דער יוד נעמען דעם גוי בייא זיין רעכטע זייט. דריבער האט יעקב גענומען דעם מלאך ביי זיין רעכטע זייט. אונ וויא דער מלאך איז גישטאנען נעבין דיא רעכטע זייט פון יעקב. האט ער מיט זיין לינקע האנט אן גערירט דיא רעכטע זייט פון יעקב. רב שמואל בר אחא איז גיזעסען פאר רב פפא אונ האט גזאגט פון רבא בר עולאס וועגין דער מלאך הט אויס גיזעהן בייא יעקב אזוי וויא אתלמיד חכם. אונ דער תנא האט גזאגט דער וואס גייט ביי דיא רעכטע זייט פון זיין רבי איז ער אעם הארץ. דריבער האט יעקב זיך גישטעלט בייא דיא לינקע זייט פון מלאך. איז דאך דער מלאך גישטאנען ביי די רעכטע זייט פון יעקב. האט דער מלאך מיט זיין לינקע האנט אן גערירט דיא רעכטע זייט פון יעקב (אזוי האלט רבי יהודה. דריבער איז נאר אסור דער גיד הנשה פון דיא רעכטע זייט). אונ די רבנן זאגען דער מלאך איז געקומען צו יעקב פון אינטען אונ מיט זיינע ביידע הענט האט ער אן גערירט ביידע זייטען פון יעקב ביז ביידע אדערין (דער אדער פון דער זייט אונ דער אדער פון דער זייט) זענען אפ גירוקט גיווארין פון זייערע ארטער (דריבער זענען אסור ביידע גיד הנשה'ס). פרעגט דיא גמרא וואס דרשנן דיא רבנן מיט דעם בהאבקו עמו : ענטפערט דיא גמרא אזוי וויא דיא אנדערע זאך וואס רבי יהושע בן לוי האט גזאגט. ווארום רבי יהושע בן לוי האט גזאגט ווען דער מלאך האט זיך גיראנגעלט מיט יעקב האבען זייא גימאכט אזוי אשטויב מיט זייערע פיס אז דער שטויב איז ארויף גיגאנגען ביז צום כסא הכבוד. ווארום דא שטייט בהאבקו עמו אונ דארט שטייט וענן אבק רגליו. דיא שטויב פון זיינע פיס איז אזוי וויא אוואלקין. איז בהאבקו עמו אויך דער טייטש די שטויב וואס דער מלאך הט גימאכט מיט יעקב :

ג ואמר. נאך האט רבי יהושע בן לוי גזאגט פאר וואס רופט מען דעם אדער גיד הנשה. וויל נשה איז דער טייטש אפ גישפרונגען. דער אדער איז אפ גישפרונגען פון זיין ארט. אונ אזוי שטייט אין פסוק נשתה גבורתם היו לנשים. עס איז אפ גישפרונגען זייער

נשתה גבורתם היו לנשים. אמר ר' יוסי בר חנינא מ"ד (ישעיה ט) דבר שלח אדני ביעקב ונפל בישראל דבר שלח ה' ביעקב זה גיד הנשה ונפל בישראל שפשט איסורו בכל ישראל. וא"ר יוסי בר חנינא מ"ד (בראשית מג) וטבוח טבח פרע להם בית השחיטה והכן טול גיד הנשה בפניהם כמ"ד גיד הנשה נאסר לבני נח. (שם לב) ויותר יעקב לבדו אמר ר' אלעזר שנשתייר על פכין קטנים מכאן לצדיקים שחביב עליהם ממונם יותר מגופן וכל כך למה לפי שאין פושטין ידיהם בגזל. (שם) ויאבק איש עמו עד עלות השחר א"ר יצחק מכאן לת"ח שלא יצא יחידי בלילה ר' אבא בר כהנא אמר מהכא (ע"ב) (רות ג) הנה הוא זורה את גרן השעורים הלילה ר' אבהו אמר מהכא (בראשית כב) וישכם אברהם בבקר ויחבוש וגו' ורבנן אמרי מהכא (שם לז) לך נא ראה את שלום אחיך ואת שלום הצאן וגו' רב אמר מהכא (שם לב) ויזרח לו השמש:

נשה ממקומו. קפץ: נשתה גבורתם. קפלה גבורתם: היו לנשים. הלכים כנשים: דבר. הנבלה ביעקב נפל בישראל בכל ישראל: פרע להו בית השחיטה. שלא יאמרו בשר נחירה אנו אוכלים לפי שבני יעקב שומרי מצות היו דאע"פ שלא ניתנה תורה מקובלין היו מאבותיהם: כמ"ד. במתניתין: גיד הנשה נאסר להם. בעודן בני נח: שנשתייר על פכים קטנים. דכל כלים החשובים ומקנה כבר העבירם את נחל יבק כדכתיב לעיל מיניה ויעבר את אשר לו והוא נשאר על פכים קטנים שלא הספיק להעבירם והשכה לו: מדקאמר עד עלות השחר. ש"מ לא ניתנה רשות למזיק להזיק ביום לפיכך לא הוצרך שמירה: מכאן לת"ח כו'. שהרי יעקב נשאר יחידי והוזק: הנה הוא זורה. וכיי"ר בלעז וכתיב ויהי בשכבו וגו' אמרה לה דעי שאחר שיגמור לזרות לא יבא לביתו לשכב שגנאי הוא לת"ח לצאת בלילה וישכב בגורן: וישכם בבקר. ולא קודם היום ואע"ג דלאו יחידי הוה וכ"ש יחידי: לך נא ראה. בעוד שאדם יכול לראות:

שטארקייט זייא זענען געווארין שוואך אזוי וויא ווייבער. רבי יוסי בר חנינא זאגט וואס מיינט דער פסוק אזוי האט גאט געשיקט אין יעקב אונ עס איז גיפאלען אין דיא יודען. אזוי האט גאט געשיקט אין יעקב דאס מיינט מען וואס זיין אדער איז אפ גישפרונגען פון ארט דורך דעם מלאך. אונ עס איז גיפאלען אין דיא יודען דאס מיינט מען וואס דער איסור האט זיך פאר שפרייט צווישען אלע יודען. אלע יודען טארען ניט עסין דעם אדער. נאך האט רבי יוסי בר חנינא גזאגט עס שטייט אין פסוק יוסף האט גזאגט צוא דעם בדינער פון זיין שטוב וטבוח טבח. דוא זאלסט שעכטין אשעכטונג; אזוי האט יוסף גזאגט דוא זאלסט נוט עפענען דיא געשאכטענע האלדז. אלע זאלען זעהן אז עס איז גישאכטען. ניט גישטאכען. יוסף האט גזאגט צום בעדינער דוא זאלסט אן ברייטען. נעם ארוים דעם גיד הנשה פאר זייערע אויגען. אזוי ווי דער וואס זאגט אז דיא קינדער פון נח וואס מיינט מען דיא יודען איידער דיא תורה איז גיגעבען געווארין האבען אויך ניט גיטארט עסין דעם גיד הנשה. עס שטייט אין פסוק יעקב איז געבליבען אליין. רבי אלעזר זאגט ער איז געבליבען פון וועגין קליינע קריגלאך וואס ער האט פארגעסין צו נעמען; פון דאנען זעהן מיר אז ביי צדיקים איז זייער געלט ביי זייא טייערער וויא זייער גוף. פאר וואס איז דאס; ווייל זייא גזלנן ניט. עס שטייט אין פסוק אמענטש האט איהם ארום גינומען ביז דער מארגינשטערין איז אויף גיגאנגען; רבי יצחק זאגט פון דאנען זעהן מיר אז אתלמיד חכם דארף ניט גיין אליין ביי נאכט. רבי אבא בר כהנא זאגט פון דאגען ווייסען מיר; נעמי האט גזאגט צוא רות דיא נאכט וועט מען שופלעווען דעם שייער גערשטין. וועט בועז זיין אגאנצע נאכט אין שייער אונ דארט וועט ער שלאפען. אונ ער וועט ניט גיין ביי נאכט אהיים. ווארום אתלמיד חכם טאר ניט גיין אליין ביי נאכט. רבי אבהו זאגט פון דעם פסוק ווייסען מיר. אברהם איז אויף גישטאנען אין דער פריא גיין צו דער עקדה; אונ ער איז ניט גיגאנגען ביי נאכט אפילו מיט זיינע יונגען; טאר מען דאך אליין געוויס ניט גיין ביי נאכט. דיא רבנן זאגען פון דעם פסוק ווייסען מיר. יעקב האט גזאגט צו יוסף גיי נאר זעה דעם פרידען פון דיינע ברידער אונ דעם פרידען פון דיא שעפסין. האט יעקב גזאגט צו יוסף גיי נאר זעה. דאס מיינט מען ער זאל גיין ביי טאג ווען מען קען זעהן; ניט ביי נאכט. רב זאגט פון דעם פסוק ווייסען מיר. ויזרח לו השמש דיא זונן האט גישיינט צו יעקב ווען ער איז דורך גיגאנגען דיא שטאט פניאל. אבער ביי נאכט איז ער ניט גיגאנגען:

ד א"ר עקיבא שאלתי את ר"ג ואת ר' יהושע באיטליז של אימאום שהלכו ליקח בהמה למשתה בנו של ר"ג כתיב (בראשית לב) ויזרח לו השמש וכי שמש לו לבד זרחה והלא לכל העולם זרחה א"ר יצחק שמש הבאה בעבורו זרחה בעבורו דכתיב (שם כח) ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה וכתיב ויפגע במקום כי מטא לחרן אמר אפשר עברתי על מקום שהתפללו בו אבותי ואני לא התפללתי בו כד יהב דעתיה למיהדר קפצה ליה ארעא מיד ויפגע במקום כד צלי בעא למיהדר אמר הקב"ה צדיק זה בא לבית מלוני ויפטר בלא לינה מיד בא השמש. כתיב (שם) ויקח מאבני המקום וכתיב (שם) ויקח את האבן א"ר יצחק מלמד שנתקבצו כל אותן אבנים למקום אחד וכל אחד ואחד אמר עלי יניח צדיק זה ראשו תנא וכולן נבלעו באחד. (שם) ויחלם והנה סלם מוצב ארצה תנא כמה רחבו של סלם ח' אלפים פרסאות דכתיב (שם) והנה

איטליז. שוק שמוכרין בו בשר: אימאוס. שם מקום: נמצא השמש בעבורו שקעה בעבורו. קודם זמנה ומפרש ואזיל למה שקעה: כתיב וילך חרנה. דמשמע דמטא לחרן והדר כתיב ויפגע במקום דהיינו בית אל דאלמא לא מטא לחרן: שהתפללו בו אבותי. מאי בית אל לאו הסמוך לעי הוא אלא ירושלים ועל שם יהיה בית אלהים קראו בית אל והוא הר המוריה שהתפלל בו אברהם והוא שדה שהתפלל בו יצחק דכתיב לשוח בשדה דהכי אמרינן בסוטה אל הר ה' אל בית אלהי יעקב מאי שנא יעקב אלא לא כאברהם שקראו הר דכתיב בהר ה' ולא כיצחק שקראו שדה דכתיב לשוח בשדה אלא כיעקב שקראו בית: קפצה. לשון לא תקפוץ את ידך נתקצרה ונתקמצה לו: ויפגע במקום. כאדם הפוגע בחברו שבא כנגדו ודרשינן ליה נמי לשון תפלה כדכתיב אל תפגעו בי: מיד בא השמש. כדכתיב וילן שם כי בא השמש למה ליה למיכתב כי בא השמש אלא ללמדנו ששקעה קודם זמנה: מאבני. משמע טובא וכתיב ויקח את האבן: נבלעו באחד. נעשו אבן אחד: עולים. משמע כ'

ד אמר. רבי עקיבא האט גיזאגט איך האב גיפרעגט ביי רבן גמליאל אונ ביי רבי יהושע ווען זייא זענען גיוועזן אין דיא יאטקע פון אימאום. זייא זענען גיקומען קויפען א בהמה צו דער סעודה וואס דער זוהן פון רבן גמליאל האט גידארפט מאכין. האב איך ביי זיי גיפרעגט עס שטייט אין פסוק די זוהן האט גישיינט צו איהם (צו יעקב). האט דען דיא זוהן גישיינט נאר צו יעקב זיא האט דאך גישיינט צו דער גאנצער וועלט. האט רבי יצחק גיזאגט אזוי מיינט דער פסוק. דיא זוהן וואס איז אמאהל אונטער גיגאנגען פון זיינעטוועגין. איז איצט אויף גישיינט פון זיינעט וועגין. ווארום עס שטייט אין פסוק יעקב איז ארויס גיגאנגען פון באר שבע אונ איז גיגאנגען צו חרן. זעהט אויס ער איז שוין גיוועזן אין חרן. דער נאך שטייט ער האט בגעגינט דעם ארט (בית אל) וואס דאס איז פריער פאר חרן. נאר אזוי איז גיוועזן. וויא יעקב איז גיקומען אין חרן. האט ער גיזאגט טאמער בין איך אריבער גיגאנגען דעם ארט וו מיינע עלטערין האבען דארט תפלה גיטאהן. אונ איך האב דארט ניט תפלה גיטאהן. האט ער זיך אומגיקערט גיין צוריק צו דעם ארט בית אל ער זאל דארט תפלה טאהן. איז דיא ערד פון בית אל גישפרונגען צו איהם אנטקעגין האט ער באלד בגעגינט דעם ארט. וויא ער האט אפגידאווינט. האט ער גיוואלט גיין צוריק אין חרן. האט גאט גיזאגט דער צדיק איז גיקומען אין מיין גאסט הויז (אויף דעם ארט פון בית המקדש) אונ ער זאל אוועק גיין אומגינעכטיגט. איז באלד אונטער גיגאנגען דיא זוהן פאר דיא צייט אונ ער האט גימוזט דארט נעכטיגען. עס שטייט אין איין פסוק ער האט גינומען פון דיא שטיינער פון דעם ארט אונ האט גילייגט אונטער זיין קאפ. (זעהט אויס ער האט גינומען פיל שטיינער). אונ אין אנדערין פסוק שטייט ער האט גינומען דעם שטיין וואס ער האט גילייגט אונטער זיין קאפ (איז נאר גיוועזן איין שטיין) זאגט רבי יצחק דער פסוק לערונט אונז אז אלע שטיינער האבען זיך פארזאמעלט אויף איין ארט. אונ יעדער שטיין האט גיזאגט אויף מיר זאל לייגין דער צדיק זיין קאפ. אונ מיר האבען גילערונט אז פון אלע שטיינער איז גיווארן איין שטיין. זענען שוין ריכטיג ביידע פסוקים. גינומען האט יעקב פיל שטיינער. נאר פון זייא אלע איז גיווארען איין שטיין. עס שטייט אין פסוק עס האט איהם גיחלומט א לייטער שטייט אויף דיא ערד אונ דער שפיץ פון דעם לייטער איז אן גילעהנט אין הימעל. מיר האבען גילערונט דיא ברייט פון דעם לייטער איז גיוועזן אכט טויזענד מייל. ווארום עס שטייט אין פסוק דיא מלאכים פון גאט זענען ארויף גיגאנגען אונ

ודנה מלאכי אלהים עולים ויורדים בו עולים שנים ויורדים שנים וכי פגעו בהדי הדדי הוו להו ד׳ וכתיב ביה במלאך (דניאל י) וגויתו כתרשיש וגמירי דהרשיש תרי אלפי פרסי הוי. תנא עולים ומסתכלין בדיוקנו של מעלה ויורדים ומסתכלים בדיוקנו של מטה ובעו לסכוניה מיד (בראשית כב) והנה ה׳ נצב עליו. אמר ר״ש בן לקיש אלמלא מקרא כתוב א״א לאמרו כאדם שמניף על בנו. (שם) הארץ אשר אתה שוכב עליה וגו׳ מאי רבותיה א״ר יצחק מלמד שקפלה הקב״ה לכל א״י והניחה תחת יעקב אבינו שתהא נוחה ליכבש לבניו:

בדדי ואלא זה אחר זה וכן יורדים: וכי פגעי בהדדי כוו להו ארבעה. לריך רוחב הסולם להחזיק ארבעתם: וגויתו כתרשיש. בדניאל: דתרשיש. ים ששמו תרשיש כדמתרגם כתרשיש כרום ימא מרחה כים וכתיב אניה באה תרשיש: בדיוקנו של מעלה. פרלוף אדם שבד׳ חיות בדמות יעקב: בעו לסכוניה. מתמת קנאה: נצב עליו. לשמרו: שמניף על בנו. במניפה להצילו מן השרב: מאי רבותיה. ד׳ אמות משכביה הבטיחו לתת לבניו: שתהא נוחה ליכבש לבניו. כד׳ אמות:

קוביוסטוס. גונב נפשות: שלש כתות. הדשים מיום אל יום: אחר ב׳ תיבות. שמע

(שם לב) ה ויאמר שלחני כי עלה השחר א״ל גנב אתה או קוביוסטוס אתה שמתירא אתה מן השחר א״ל מלאך אני ומיום שנבראתי לא הגיע זמני לומר שירה עד עכשיו מסייע ליה לרב חננאל אמר רב דאמר רב חננאל אמר רב שלש כיתות של מה״ש אומרות שירה בכל יום אחת אומרת קדוש ואחת אומרת קדוש ואחת אומרת קדוש ה׳ צבאות

אראפ גיגאנגען אויף דעם לייטער. א־ויף גיגאנגען זענען צוויא מלאכים. אונ אראפ גיגאנגען זענען אויך צווייא מלאכים. אונ אז דיא פיר מלאכים האבען זיך בגעגינט אין מיטען לייטער. זענען גישטאנען אין דיא ברייט פון לייטער פיר מלאכים. אונ עס שטייט ביי אמלאך אז די ברייט פון זיין קערפער איז וויא דער ים תרשיש. אונ מיר האבען גילערנט אז דער ים תרשיש איז צווייא טויזענד מייל. איז דיא ברייט פון אמלאך צוויי טויזענד מייל. אז אויף דעם לייטער זענען גישטאנען פיר מלאכים אין די ברייט. איז דאך דער לייטער ברייט גיוועזען אכט טויזענד מייל. מיר האבען גילערנט דיא מלאכים זענען ארויף גיגאנגען אין הימעל אונ האבען גיקוקט אויף דעם פנים פון דעם מענטש וואס איז אין כסא הכבוד. אונ זייא זענען אראפ גיגאנגען אויף דער ערד אונ זייא האבען גיקוקט אויף דעם פנים פון יעקב. האבען זייא גיזעהן אז דער פנים פון יעקב איז אין כסא הכבוד. האבען זיי מקנא גיוועזען אונ האבען גיוואלט הרגנען דעם יעקב איז באלד אראפ גיקומען גאט אונ האט זיך גישטעלט נעבין יעקב צו היטען איהם. רבי שמעון בן לקיש זאגט ווען דער פסוק וואלט ניט שטיין וואלטין מיר דאס ניט גיקענט זאגין. אט איז גישטאנען נעבין יעקב אזוי וויא אפאטער שטייט נעבין זיין זוהן אונ בלאזט אויף איהם מיט אפאכער דיא היץ זאל ניט שטערין זיין שלאף. עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט צו יעקב די ערד וואס דוא ליגסט אויף איהר וועל איך געבין צו דיר אונ צו דיינע קינדער. פרעגט דיא גמרא וואס איז דיא טובה. וויא גרוים איז דען דיא שטיקול ערד וואס אמענטש ליגט אויף איהר. האט רבי יצחק גיזאגט־דער פסוק לערנט אונז אז גאט האט איינגעוויקולט גאנץ ארץ ישראל אונ האט זיא גילייגט אונטער יעקב אבינו. אונ ער האט גיזאגט צו איהם אזוי וויא עס איז גרינג איין צו נעמען פיר איילין ערד. אזוי וועט זיין גרינג בייא דיינע קינדער איין צו נעמען גאנץ ארץ ישראל:

ה ויאמר. דער מלאך האט גיזאגט צוא יעקב שיק מיך אוועק ווארום דער מארגען שטערין איז שוין אויף גיגאנגען. האט יעקב גיזאגט צום מלאך ביזט דוא דען אגנב וס גנבת געלט. אדער אקוביוסטוס וואס גנבת מענטשין. וואס דו האסט מורא פאר דעם מארגענשטערין. האט דער מלאך גיזאגט צוא יעקב איך בין אמלאך. אונ פון דעם טאג וואס איך בין בשאפען גיווארען ביז היינט איז נאך ניט גיוועזען מיין צייט צוא זאגין שירה. אונ איצט דארף איך גיין זאגען שירה. דאס וועט זיין אזוי וויא רב חננאל האט גיזאגט פון רבס וועגין אז די מלאכים זאגען ניט אלע טאג שירה. נאר דרייא מחנות. איין מחנה זאגט קדוש. די אנדערע מחנה

צבאות. מיתיבי חביבין ישראל לפני הקב"ה יותר ממלאכי השרת שישראל אומרים שירה בכל שעה ומלאכי השרת אין אומרים שירה אלא פעם אחת ביום ואמרי לה פעם אחת בשבת ואמרי לה פעם אחת בחדש ואמרי לה פעם אחת בשנה ואמרי לה פעם אחת בשבוע ואמרי לה פעם אחת ביובל ואמרי לה פעם אחת בעולם וישראל מזכירין את השם אחר שתי תיבות שנאמר (דברים ו) שמע ישראל ה' וגו' ומלאכי השרת אין מזכירין את השם אלא לאחר ג' תיבות כדכתיב (ישעיה ו) קדוש קדוש קדוש ה' צבאות ואין מלאכי השרת אומרים שירה למעלה עד שיאמרו ישראל למטה שנאמר (איוב לח) ברן יחד כוכבי בקר והדר ויריעו כל בני אלהים אלא אחת אומרת קדוש ואחת אומרת קדוש קדוש ואחת אומרת קדוש קדוש קדוש ה' צבאות והאיכא ברוך (דף נג) ברוך אופנים הוא דאמרי ליה ואבע"א כיון דאתיהב רשותא אתיהב. (הושע יב) וישר אל מלאך ויוכל בכה ויתחנן לו איני יודע מי נעשה שר למי כשהוא אומר (בראשית לב) כי שרית

ישראל ה' וגו' ומלאכים אין מזכירין את השם בשירתם עד לאחר ג' תיבות קדוש קדוש קדוש ה': כוכבי בקר. ישראל המשולים לכוכבים. קתני מיהת אחר שלש תיבות והא אמרת קדוש ה': והאיכא ברוך. דהוזכר אחר ב' תיבות כדכתיב ברוך כבוד ה': ומשני. ברוך אופנים הוא דאמרי ליה. שהם מכסא הכבוד עצמו וכי אמרינן אנן במלאכים: כיון דאתיהב רשותא. להזכיר דכבר הזכירוהו בקדוש לאחר ג' תיבות של שבח: אתיהב. רשותא לאדכוריה לבדיא: וישר אל מלאך. מקרא הוא בתרי עשר: ויוכל. איני יודע על איזה מהם הוא אומר ויוכל שנצחו ונעשה שר אם יעקב למלאך וה"ק וישר יעקב אל מלאך ויוכל יעקב או ה"ק וישר אל יעקב מלאך כלומר נשתרר לעומתו המלאך ויוכל המלאך ונצחו כשהוא אומר כי שרית ותוכל הוי אומר יעקב נצחו למלאך: שרית עם אלהים. כשית בארץ ישראל שמושלים הם ונקראים אלהים עד ההגמונים יבא דבר שניהם ועם אנשים ראשי הגולה:

זאגט איך קדוש. די דריטע מחנה זאגט קדוש ה' צבאות. פרעגט די גמרא מיר האבען געלערנט די יודען זענען בייא גאט ליבער וויא די מלאכים. די יודען זאגען שירה ווען זייא ווילען. אונ די מלאכים זאגען שירה נאר איין מאהל אין טאג. אנדערע זאגען איין מאהל אין וואך. אנדערע זאגען איין מאהל אין חודש. אנדערע זאגען איין מאהל אין יאהר. אנדערע זאגען איין מאהל אין זיבען יאהר. אנדערע זאגען איין מאהל אין פופציג יאהר. אנדערע זאגען איין מאהל צייט די וועלט שטייט. אונ די יודען דערמאנען דעם נאמען פון גאט נאך צוויי ווערטער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שמע ישראל ה'. אונ די מלאכים מוזען דערמאנען דעם נאמען פון גאט נאך דרייא ווערטער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק קדוש קדוש קדוש ה' צבאות: אונ די מלאכים טארין ניט זאגען שירה אין הימעל. ביז די יודען זאגען פריער שירה אונטען אויף די ערד. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פריער זינגען צו זאמען די שטערין פון דער פריא ודאס מיינט מען די יודען וואס זייא זענען געגליכען צו די שטערין. דער נאך טוהען שאלען אלע קינדער פון גאט ודאס מיינט מען די מלאכים. זעהן מיר דאך אז מלאכים טארין ניט דער מאנען דעם נאמען פון גאט ביז נאך דרייא ווערטער. אונ רב זאגט איין מחנה מלאכים זאגען קדוש ה' צבאות דער מאנען זייא דאך דעם נאמען פון גאט נאך איין ווארט. ענטפערט די גמרא אזוי האט רב געזאגט איין מחנה זאגט קדוש. די אנדערע מחנה זאגט קדוש קדוש. די דריטע מחנה זאגט קדוש קדוש קדוש ה' צבאות. פרעגט די גמרא מען זאגט דאך אין הימעל ברוך כבוד ה'. דער מאנט מען דאך דעם נאמען פון גאט נאך צוויי ווערטער. ענטפערט די גמרא די אופנים זאגען ברוך כבוד ה'. אבער ניט מלאכים. אונ די אופנים מעגין וויל זייא זענען פון כסא הכבוד. אונ אז דו ווילסט וועל איך דיר ענטפערין אז מען האט שוין דעם טאג דער מאנט דעם נאמען פון גאט נאך דרייא ווערטער. מעג מען שוין דעם טאג דער מאנען נאך צוויי ווערטער אויך:

עס שטייט אין פסוק וישר אל מלאך ויוכל. ער האט געהערשט צום מלאך אונ ער האט איהם בייגקומען. ווייס איך ניט ווער האט בייגקומען וועמען. אויב יעקב האט בייא גיקומען דעם מלאך אונ ער איז געווארין אשר אויף דעם מלאך. אדער דער מלאך האט בייגקומען דעם יעקב אונ ער איז געווארין אשר אויף יעקב. אז עס שטייט אין פסוק כי שרית עם אלהים ותוכל.

וגגפן. יברא׳ שנמשלו לגפן דכתיב גפן ממצרים הסיע: שרי גאים. עשירים וקצינים למלכות: אלו ג׳ שרי גוים. מלאכים: עלתה

שרית עם אלהים הוי אומר יעקב נעשה שר למלאך בכה ויתחנן לו איני יודע מי בכה למי כשהוא אומר ויאמר שלחני הוי אומר מלאך בכה ליעקב. כי שרית עם אלהים ועם אנשים אמר רבה רמז רמז לו שעתידין שני שרים לצאת ממנו ראש גולה שבבבל ונשיא שבא״י מכאן רמז לו גלות:

(בראשית מ) ד **ובגפן** שלשה שריגים א״ר חייא בר אבא אמר רב אלו שלשה שרי גאים היוצאין מישראל בכל דור ודור פעמים שב׳ כאן ואחד בא״י פעמים שב׳ בא״י וא׳ כאן יהבו רבנן עינייהו ברבנא עוקבא ורבנא נחמיה בני ברתיה דרב רבא אמר אלו ג׳ שרי גוים שמלמדין זכות על ישראל בכל דור ודור. תניא ר׳ אליעזר אומר גפן זה העולם ג׳ שריגים זה אברהם יצחק ויעקב (שם) והיא כפורחת עלתה נצה אלו האמהות הבשילו אשכלותיה ענבים אלו השבטים א״ל ר׳ יהושע וכי מראין לו לאדם מה שהיה והלא אין מראין לו לאדם אלא מה שעתיד להיות אלא גפן זה תורה ג׳ שריגים אלו משה ואהרן ומרים והיא כפורחת עלתה נצה אלו סנהדרין הבשילו אשכלותיה ענבים אלו הצדיקים שבכל

דער מלאך האט גזאגט צו יעקב דוא האסט דיך געקריגט מיט דעם מלאך וועד זאל זיין אשר ־ אונ דוא האסט בייגיקומען. זעהן מיר אז יעקב איז גיווארין אשר אויף דעם מלאך:

עס שטייט אין פסוק ער האט גיוויינט אונ ער האט גיבעטין בייא איהם. ווייסען מיר נים ווער האט גיוויינט צוא וועמען. אז עס שטייט אין פסוק דער מלאך האט גזאגט צו יעקב שיק מיך אוועק. ווייסען מיר אז דער מלאך האט גיוויינט פאר יעקב אונ ער האט גיבעטין בייא איהם ער זאל איהם אפלאזין:

עס שטייט אין פסוק דער מלאך האט גזאגט צו יעקב ווארום דוא ביסט גיווארין אשר מיט דעם מלאך אונ מיט מענטשין. רבה זאגט דער מלאך האט געוויזען צוא יעקב אז פון איהם וועלין זיין צווייא פירשטען. דער גרעסטער פון דיא פאר טריבענע יודען וואס אין בבל. אונ דער נשיא וואס אין ארץ ישראל. דא הט דער מלאך געוויזען צו יעקב אז דיא יודען וועלין פר טריבען ווערין פון ארץ ישראל אין גלות:

ד ובגפן. אין פסוק שטייט דער שר המשקים האט גזאגט צו יוסף אין חלום האב איך גיזעהן אויינשטאק אונ אין ויין שטאק זענען גיוועז דריי צווייגען. רבי חייא בר אבא הט גזאגט פון רבם וועגין דאס מיינט מען דיא דריי גרויסע לייט וואס זענען דא בייא יודען אין יעדער דור. אמאהל זענען צוויי אין חוץ לארץ אונ איינער אין ארץ ישראל. אמאהל זענען צווייא אין ארץ ישראל אונ איינער אין חוץ לארץ. האבען דיא רבנן גיגעבן זייערע אויגען אויף רבנא עוקבא אונ אויף רבנא נחמיה דיא קינדער פון רבם טאכטער אז זייא זענען דיא גרויסע לייט פון דעם דור. רבא זאגט די דריי צווייגען זענען די דריי שרים ומלאכים פון דיא פעלקער וואס זייא זאגען גוטס אויף יודען פאר גאט אין יעדער דור:

מיר האבען גילערנט רבי אליעזר זאגט דער ווינשטאק מיינט מען דיא וועלט. דיא דרייא צווייגען מיינט מען אברהם יצחק יעקב. זיא הט געבליהט עס איז אויף גיגאנגען אשפראצונג: דאס זענען דיא מוטערס. שרה רבקה רחל לאה. אויף דיא צווייגען זענען פארטיג גיווארין ווייןטרויבען. דאס מיינט מען דיא שבטים. האט רבי יהושע גזאגט צוא רבי אליעזר ווייזט מען דען אמענטשין אין חלום וואס עס איז גיוועזן. מען ווייזט אמענטשין אין חלום וואס עס וועט זיין. נאר אזוי מיינט מען. דעם ווינשטאק מיינט מען דיא תורה. דיא דריי צווייגין מיינט מען משה אהרן מרים. זיא האט געבליהט עס איז אויף גיגאנגען אשפראצונג. דאס מיינט מען דיא סנהדרין. אויף דיא צווייגין איז פארטיג גיווארין ווינטרויבען. דאס מיינט מען דיא צדיקים וואס

שבכל דור ודור אמר ר"נ עדיין צריכין אנו למודעי דמוקים ליה כוליה בחד מקום ר' אלעזר המודעי אומר גפן זה ירושלים שלשה שריגים זה מקדש מלך וכהן גדול והיא כפורחת עלתה נצה אלו פרחי כהונה הבשילו אשכלותיה ענבים אלו נסכים ריב"ל מוקים לה במתנות דאמר ריב"ל גפן זו תורה שלשה שריגים זה באר עמוד ענן ומן והיא כפורחת עלתה נצה אלו הבכורים הבשילו אשכלותיה ענבים אלו נסכים . ר' ירמיה בר אבא אמר גפן אלו ישראל וכן הוא אומר (תהלים פ) גפן ממצרים תסיע שלשה שריגים אלו ג' רגלים שישראל עולין בהן בכל שנה ושנה והיא כפורחת הגיע זמן של ישראל לפרות ולרבות וכן הוא אומר (שמות א) ובני ישראל פרו וישרצו עלתה נצה הגיע זמנן של ישראל ליגאל וכה"א (ישעיה סג) ויז נצחם על בגדי וכל מלבושי אגאלתי . הבשילו אשכלותיה ענבים הגיע זמנה של מצרים לשתות כום התרעלה והיינו דאמר רבא ג' כוסות האמורות במצרים למה אחד ששתה בימי משה ואחד ששתה בימי פרעה נכה ואחד שעתידה לשתות עם כל האומות

פס . אין אשוב קן כ"כ כשריגים שהם ענפים קטנים: אלו פרחי כהונה . שמשרתים במקדש : במתנות . שנתן הקב"ה לישראל : אלו הבכורים . שהכניסן לארץ טובה ומגלה פירות ומביאין ממנה במהרה בפריחתה גמר בישולם : הגיע זמנן . לצאת מכאן ולפרות ולרבות : עלתה נצה . עלתה זמן הנצה להזות דם נצחן של מצרים : ג' כוסות . בסיפור הגלות וכוס פרעה וגו' : בימי פרעה נכה . שהחריבה נבוכדנאצר דכתיב לבא נבוכדנאצר מלך בבל וגו' : אומה זו . ישראל : נמשלה כגפן . גפן ממצרים

זֶענֶען אִין יֶעדֶער דור: רַבָּן גַּמְלִיאֵל זָאגְט מִיר דַארְפִין נָאךְ זֶעהן וָוס דֶער מוֹדָעִי זָאגְט עֶר לֶערוּנְט אַז דֶער גַאנְצֶער פָּסוּק שְׁמוּעֶסְט פוּן אֵיין זַאךְ. רַבִּי אֶלְעָזָר הַמּוֹדָעִי זָאגְט דֶעם ווַיינְשְׁטָאק מֵיינְט מֶען יְרוּשָׁלַיִם. דִיא דְרַיי צְוַוייגֶען מֵיינְט מֶען דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. אוּנ דֶעם מֶלֶךְ. אוּנ דֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל. זִיא הָאט גֶעבְּלִיהט עֶס אִיז אוֹיף גִינַאנְגֶען אַשְׁפְּרָאצוּנְג. דָאס מֵיינְט מֶען דִיא יוּנְגֶע כֹּהֲנִים וָואס הָאבֶּען בֶּעדִינְט אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. אוֹיף דִיא צְוַוייגֶען אִיז פַארְטִיג גִיוָוארִין וַויינְטְרוֹיבֶּן. דָס מֵיינְט מֶען דִי וַויין וָוס מֶען הָט גִינָאסִין אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ:

רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי זָאגְט דֶער גַאנְצֶער פָּסוּק שְׁמוּעֶסְט פוּן דִיא מַתָּנוֹת וָואס גָאט הָאט גִיגֶעבִּין צוּ דִיא יוּדִין. דֶעם וַוינְשְׁטָאק מֵיינְט מֶען דִיא תּוֹרָה. דִיא דְרַייא צְוַוייגֶען מֵיינְט מֶען דֶעם בְּרוּנֶען אוּנ דִיא וָואלְקִינְס אוּנ דֶעם מַן. זִיא הָאט גֶעבְּלִיהט עֶס אִיז אוֹיף גִינַאנְגֶען אַשְׁפְּרָאצוּנְג. דָאס מֵיינְט מֶען דִיא בִּכּוּרִים (דִיא עֶרְשְׁט צַייטִיגֶע פֵּירוֹת) וָואס מֶען הָט גִיבְּרֵיינְגְט אִין יְרוּשָׁלַיִם. אוּנ מֶען לוֹיבְּט גָאט אוֹיף דִיא מַתָּנָה וָואס עֶר הָאט אוּנְז גִישֵׁיינְקְט דִי לַאנְד אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אוֹיף דִיא צְוַוייגִין אִיז פַארְטִיג גִיוָוארִין וַויינְטְרוֹיבִּין. דָאס מֵיינְט מֶען דִיא וַויין וָואס מֶען הָט גִינָאסֶען אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ:

רַבִּי יִרְמְיָה בַּר אַבָּא זָאגְט דֶעם וַויינְשְׁטָאק מֵיינְט מֶען דִיא יוּדֶען. אוּנ אַזוֹי שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַוַויינְשְׁטָאק הָאסְטוּ גִימַאכְט צִיהֶען פוּן מִצְרַיִם. דִי דְרַיי צְוַוייגֶען מֵיינְט מֶען דִיא דְרַייא מָאהל יוֹם טוֹב וָואס אִיז דָא אִין יֶעדֶער יָאהר. אוּנ דִיא יוּדֶען גֵייעֶן צוּא יֶעדֶער יוֹם טוֹב אִין יְרוּשָׁלַיִם. אוּנ זִיא בְּלִיהט דָאס מֵיינְט מֶען עֶס אִיז גִיקוּמֶען דִיא צַייט אַז דִיא יוּדֶען זָאלֶען זִיךְ פְרוּכְטְבַּארִין אוּנ מֶערִין. אוּנ אַזוֹי שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִיא יוּדֶען הָאבֶּען זִיךְ גִיפְרוּכְט בַּארְט אוּנ גִימֶערְט וִויא דִיא שְׁרָצִים וָואס גִיבֶּארֶען עֶטְלִיכֶע קִינְדֶער מִיט אֵיין מָאהל. עֶס אִיז אוֹיף גִיגַאנְגֶען דַייעֶר שְׁפְּרָאצוּנְג דָאס מֵיינְט מֶען עֶס אִיז גִיקוּמֶען דִיא צַייט דִיא יוּדֶען זָאלֶען אוֹיס גִילֵייזְט וֶוערִין. אוּנ אַזוֹי שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט הָאט גִזָאגְט וְיֵז נִצְחָם עַל בְּגָדַי וֶעם הָאט גֶעשְׁפְּרִיצְט דִיא שְׁטַארְקֶע בְּלוּט וָואס מִצְרַיִם הָאבֶּען פַאר גָאסֶען פוּן דִיא יוּדֶען אוֹיף מַיינֶע קְלֵיידֶער) וְכָל מַלְבּוּשַׁי אֶגְאָלְתִּי (אוּנ מַיינֶע אַלֶע קְלֵיידֶער זֶענֶען פַאר מִיאוּסְת גִיוָוארִין פוּן דֶעם בְּלוּט). דְרִיבֶּר אִיז גִיקוּמֶען דִיא צַייט אִיךְ זָאל אוֹיס לֵייזֶען. אוֹיף דִיא צְוַוייגֶען אִיז פַארְטִיג גִיוָוארֶען וַויינְטְרוֹיבֶּן. דָאס מֵיינְט מֶען עֶס אִיז גִיקוּמֶען דִיא צַייט פוּן מִצְרַיִם זִיא זָאל טְרִינְקֶען דֶעם פַאר פְלוּכְטִין כּוֹס. דָאס אִיז וָואס רָבָא הָאט גִזָאגְט פַאר וָואס שְׁטֵייט בַּייא מִצְרַיִם דְרַייא מָאהל דֶער וָוארְט כּוֹס. אֵיין כּוֹס פוּן צָרוֹת הָאט מִצְרַיִם גִיטְרוּנְקֶען אִין דִיא צַייט פוּן מֹשֶׁה. דֶעם אַנְדֶערִין כּוֹס פוּן

האומות א"ל ר' אבא לרב ירמיה בר אבא כי דריש להו רב להני קראי באגדתא כוותך דריש להו. אמר ר"ש בן לקיש אומה זו כגפן נמשלה זמורות שבה אלו בעלי בתים אשכלות שבה אלו ת"ח עלין שבה אלו עמי הארץ קנוקנות שבה אלו ריקנין שבישראל והיינו דשלחו מתם ליבעי רחמי אתכליא על עליא דאלמלא עליא לא מתקיימין אתכליא:

(הושע ג) ז ואכרה לי בחמשה עשר כסף א"ר יוחנן משום ר"ש בן יהוצדק אין כירה אלא מכירה שנאמר (בראשית ג) בקברי אשר כריתי לי. בחמשה עשר זה ט"ו בניסן שבו נגאלו ישראל ממצרים. כסף אלו צדיקים וכן הוא אומר (משלי ז) צרור הכסף לקח בידו. וחמר שעורים ולתך שעורים אלו מ"ה צדיקים שהעולם מתקיים בהם ואיני יודע אם ל' כאן וט"ו

פירוש

חסיא: זמורות שבה אלו בעלי בתים. דמה הזמורה הזו מוציאה לולבין ועלין ופרי וזהו עיקר הגפן כך בעלי בתים גומלי חסד ומחזיקים ידי עניים ומפזרים ממונם למלכות בבבל והיהם ומתקיימים על ידם: עלין. שבגפן סוככין הרוח ומגינין על האשכלות שלא יכה שרב ושמש ורוחות כך עמי הארץ חורשין וזורעין וקוצרין מה שת"ח אוכלין: קנוקנות. ודייל"ם דלא הוו למידי: ואכרה לי. הקב"ה אומר קניתי לי ישראל בט"ו בניסן בשביל הצדיקים: אשר כריתי. קניתי כדאמרינן בפ"ק דסוטה דיעקב זבנה מעשו: צרור הכסף. בחלק מפרשינן ליה בצדיקים דשלחו ליה ממון ומוהב לנבוכדנאצר כדשמעי לנביאים דאיהנבא בחורבנה הא אחרבינהו שנה להו מסתפינא מאלהכון שלחו ליה כי אין האיש בביתו שנה להו בקרוב אתי שלחו ליה הלך בדרך למרחוק שלח להו היכא צדיקי דבעו רחמי שלחו ליה צרור הכסף לקח בידו צדיקים שבהם המיתם: חומר. ל' סאין: לתך. ט"ו סאין: כאן. בכבל: ואקחה שלשים

צרות האט מצרים גיטרונקען אין דיא צייט פון פרעה וכו'. אונ דעם דריטען כוס פון צרות וועט מצרים טרינקען מיט אלע פעלקער צוא זאמען ווען משיח וועט קומען. רבי אבא האט גיזאגט צו רב ירמיה בר אבא ווען רב האט גידרשעט דיא פסוקים פון דעם חלום פון שר המשקים. האט ער זייא גידרשעט וויא דוא זאגסט. רבי שמעון בן לקיש האט גיזאגט דיא פאלק יודען זענען געגליכען צו אויינשטאק. די גרויסע צווייגע זענען די בעלי בתים אזוי וויא דיא גרויסע צווייגען האלטען אויף אלע וויינטרויבען. אזוי האלטען אויף דיא בעלי בתים אלע יודען. וויל זייא טוהען גמלות חסדים אונ צדקה. דיא קליינע צווייגלאך זענען דיא תלמידי חכמים. דיא בלעטער זענען דיא עמי הארצים. אזוי וויא דיא בלעטער בשיצען אויף דיא פירות עס זאל צוא זייא ניט צוא קומען דיא היץ מיט דיא ווינטען. אזוי בשיצען די עמי הארצים אויף דיא תלמידי חכמים. דיא עמי הארצים אקערין אונ זייען אונ שניידען אונ ברייטען פאר פאר דיא תלמידי חכמים זייא זאלען האבען צום עסן. דיא רייטלאך פון דיא וויינטרויבען דאס זענען דיא ליידיגע יודען וואס טוהען גאר גיט. דאס איז וואס מען האט געשיקט פון ארץ ישראל דיא פירות זאלן בעטען ביי גאט אז דיא בלעטער זאלען זיין אויף דעם בוים. ווארום ווען ניט דיא בלעטער וואלטען דיא פירות ניט גיקענט זיין אויף דעם בוים. זייא וואלטען אראפ גיפאלען פאר די צייט. אזוי זאלין דיא תלמידי חכמים בעטין פאר דיא עמי הארצים. ווארום ווען ניט די עמי הארצים וואלטין ארבעטין פעלדער אונ אלע אנדערע מלאכות. וואלטין דיא תלמידי חכמים ניט גיקענט זיצען רוהיג אונ לערנען:

ז ואכרה לי בחמשה עשר כסף. רבי יוחנן זאגט פון רבי שמעון בן יהוצדק וועגין ואכרה איז דער טייטש איך האב זיא גיקויפט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בקברי אשר כריתי לי אין מיין קבר וואס איך האב מיר גיקויפט. בחמשה עשר. פאר פופצעהן. דאס מיינט מען דעם פופצעהנטין טאג אין ניסן. וואס אין דעם טאג זענען דיא יודען אויס גילייזט גיווארין פון מצרים. כסף מיינט מען די צדיקים. אונ אזוי זאגט דער פסוק צרור הכסף לקח בידו. דעם בייטיל געלט האט ער גינומען אין זיין האנט. דאס מיינט מען גאט האט גינומען די צדיקים צו זיך. וחמר שעורים ולתך שעורים. דרייסיג סאה גערשטין אונ פופצעהן סאה גערשטין: דאס מיינט מען דיא פינף אונ פערציג צדיקים וואס דיא וועלט שטייט דורך זייער זכות. נאר איך וויים ניט אויב דרייסיג צדיקים זענען אין חוץ לארץ. אונ פופצעהן זענען אין ארץ ישראל. אדער דרייסיג זענען אין ארץ ישראל אונ פופצעהן אין חוץ לארץ.

ומ"ו בא"י ואם ל' בא י וט"ו כאן כשהוא אומר (זכריה יא) ואקחה שלשים הכסף ואשליך אותו בית ה' אל היוצר הוי אומר ל' בא"י וט"ו כאן אמר אביי ורובייהו משתכחו בבי כנשתא דתותי אפתא והיינו דכתיב (שם) ואומר אליהם אם טוב בעיניכם הבו שכרי ואם לא הדלו וישקל את שכרי שלשים כסף א"ר יהודה אלו שלשים צדיקי אוה"ע שאוה"ע כתקיימין עליהם עולא אמר אלו שלשים מצות שקבלו עליהם בני נח ואין מקיימין אלא ג' אחד (ע"ב) שאין כותבין כתובה לזכרים ואחד שאין שוקלין בשר המת במקולין ואחד שמכבדין את התורה:

(דף נד) **האמר** שמואל אסור לגנוב דעת הבריות ואפילו דעתו של נכרי והא דשמואל לאו בפירוש איתמר אלא מכללא איתמר דשמואל הוה קא עבר במברא א"ל לשמעיה פייסיה למבוריה

הכסף. ומקנתו אותם צדיקים לדורות בישראל: אל בית ה'. בא"י: ורובייהו. דצדיקי דא"י: אפתא. יפיע: ואומר אליהם. בנבואת זכריה כתיב גבי אוה"ע ולקח את מקלי את נועם ואגדע אותו להפר את בריתי אשר כרתי את כל העמים ואומר אליהם וגו' הבו שכרי שהזינו לי את הצדיקים שהייתי מקבלים עליהם שכר וישקלו וגו': שלשים מצות. לא נתפרשו ומכלא הוא דקא יליף: שאין כותבין כתובה לזכרים. דאע"פ שחשודים למשכב זכור ומייחדין להם זכר להם: ישן אין נוהגין קלות ראש במלוא בו כ"כ שיכתבו להם כתובה: בשר המת: של אדם: במקולין. באיטליז שאין אוכלין אותו בפרהסיא כ"כ אני מעיהי בשר המת בשר בהמה במתה מעלמה:
פייסיה למבוריה. קן שכרו נקבע במעבורה: מברא. כפינה רחבה שמוכרין בה את הכבס:

אז עס שטייט אין פסוק איך האב גינומען די דרייסיג טאלער (צדיקים) איך האב אים אריין געווארפען אין דיא שטוב פון גאט. דיא שטוב פון גאט הייסט ארץ ישראל. זעהן מיר אז דרייסיג צדיקים זענען אין ארץ ישראל און פופצעהן צדיקים זענען אין חוץ לארץ. אביי זאגט דאס מערסטע צדיקים פון ארץ ישראל ווערין געפונען אין דיא שוהל וואס אין קעהער; דאס איז וואס דער פסוק זאגט: איך האב געזאגט צו זייא אויב עס איז גוט אין אייערע אויגען עס געפעלט אייך. גיט מיר מיין לוין. און אויב אייך געפעלט ניט. זאלט איר אייך פאר מיידן. האבען זייא אפ געוואוגין מיין לוין דרייסיג טאלער. זאגט רבי יהודה דאס מיינט מען די דרייסיג צדיקים פון די פעלקער. וואס די פעלקער לעבין אין זייער זכות. עולא זאגט מען מיינט די דרייסיג מצות וואס די קינדער פון נח האבען אויף זיך גינומען זייא זאלען דאס היטען צו טאהן. און זייא טוהען ניט מער נאר דריי. אז ער נעמט אזכר ער זאל מיט איהם מזנה זיין. שרייבט ער איהם ניט אכתובה אזוי וויא ער שרייבט צו זיין ווייב. די אנדערע זאך איז זיי עסין טויטע מענטשין. פון דעסטוועגין פאר קויפען זיי ניט דס פלייש אין יאטקע. דיא דריטע זאך איז זיי גיבען כבוד צו די תורה.

ה אמר. שמואל האט געזאגט מען טאר ניט גנבנן דיא דעה פון אמענטשין. אפילו דיא דעה פון אגוי טאר מען אויך ניט גנבנן. זאגט די גמרא מיר האבען ניט גיהערט פון שמואל ער זאל זאגען אז מען טאר ניט גנבנן דיא דעה פון אמענטשין. נאר מיר פאר שטייען אז שמואל האלט אזוי. ווארום שמואל הט זיך אמאהל געשיפט אויף אפראם. האט שמואל געזאגט צו זיין בעדינער. גיב עפעס דעם שיפער. האט דער בעדינער גיגעבין דעם שיפער אהון. איז שמואל בייז געווען. פאר וואס איז ער בייז געווען. האט אביי געזאגט דיא הון איז געווען אטרפה; און ער האט געזאגט צום שיפער אז זיא איז אגישאכטענע. איז שמואל בייז געווען אויף דעם בעדינער פאר וואס ער האט גינארט דעם שיפער. אפילו ער איז אגוי. רבא זאגט דריבער איז שמואל בייז געווען ווייל ער האט גיהייסען דעם בעדינער ער זאל געבין דעם שיפער אום גישטעלטין ווין צו טרינקען. און ער האט איהם גיגעבין גישטעלטין ווין. און דער שיפער האט גימיינט אז דאס איז אומגישטעלטער ווין. זעהן מיר אז שמואל האלט מען טאר ניט נארין אפילו אגוי. פרעגט דיא גמרא וואס איז דער אונטער שייד צו שמואל וועלט געזאגט אז מען טאר ניט נארען אפילו אגוי. צו מיר פאר שטייען פון שמואלס כעס אז ער האלט מען טאר ניט נארען אפילו אגוי. ענפערט דיא גמרא מען קען זאגען אז שמואל האלט מען מעג

למבהו'יה פייסיה ואיקפד מ"ט איקפיד אמר אביי תרנגולת טרפה הואי ויהבה ניהליה במר דשחוטה רבא אמר אנפקא א"ל לאשקויי ואשקייה חמרא מזיגא וכי מכללא מאי למ"ד טרפה הואי א"ל אמאי תשהא איסורא למ"ד אנפקא א"ל לאשקויי אנפקא חייא משמע:

ט תניא היה רבי מאיר אומר אל יסרהב אדם בחברו לסעוד אצלו ויודע בו שאינו סועד ולא ירבה לו בתקרובת ויודע בו שאינו מקבל ולא יפתח לו חביות המכורות לחנוני אלא א"כ הודיעו ולא יאמר לו סוך שמן מפך ריקן ואם בשביל כבודו מותר איני והא עולא איקלע לבי רב יהודה פתח לו הביות המכורות לחנוני

במר דשחוטה. בחילוף שחוטה בחזקת שחוטה והבירו בבכורות הוות טבחה דמזבן תרבא דאסמא במר דכנהא. ול"נ דלשון תמורה הוא והא דשחוטה לאו דוקא דטריפה בשחוטה לא מיחלפא אלא כלומר טריפה שחוטה נתן לו במר דכשרה שחוטה: ואשקייה חמרא מזיגא. והנכרי כבר היין תי: וכי מכללא מאי. מה לנו אי האמר מכללא או בפירוש הא מהא כללא שפיר שמע קן והמאי אשמעינן תלמודא דלאו בפירוש איתמר ומה יש לי לגמגם בכלל זה: למ"ד טריפה הואי. איכא למימר דלאו משום גניבת דעת איקפיד אלא משום דאשהייה גביה עד השתא: אנפקא חייא משמע. משום יקרא דידיה איקפיד שעבר על דבריו: לא יסרהב. לא יפציר בו הואיל ויודע שלא יעשה משום דגונב דעתו להחזיק לו טובה בחנם כסבור שמן הלב מסרהב לו כן: ולא יפתח לו כו'. כל הביותיהם מגופות היו וכשבא אדם חשוב אצלו פותח לו חבית להשקותו יין חזק ואם מכר הבית להחנוני שלמה ועדיין הוא אצלו לא יפתחנו לאורח הבא לו מפני שגונב לבו להחזיק לו טובה חנם כסבור זה הפסד גדול נפסד ע"י שכרי השאר תבית זו הסרה והתקלקל יינה וזה ימכרנה מיד להחנוני שימכרנה לו: אלא א"כ הודיעו. מכרתיה לחנוני ואיני נפסד: לא יביא לו פך ריקן ויאמר לו סוך שמן. מפני שיודע בו שאינו סך וגונב דעתו כסבור שיש בו שמן: ואם בשביל כבודו. של אורח להודיע

נארען אגוי. נאר ער איז אין בעס גיוועזן אויף דעם בעדינער וועגין איין אנדער זאך. נאך אביי וואס ער זאגט ער האט איהם גינארט מיט אטרפה הון. איז שמואל אין בעס גיוועזן אויף דעם בעדינער פאר וואס ער הט ביי זיך גיהאלטען אטרפה הון. אונ נאך רבא וואס ער זאגט ער הט איהם גינארט מיט דעם ווייון. איז שמואל בייז גיוועזן אויף דעם בעדינער פאר וואס ער הט איהם ניט גיפאלגט. ער האט גיהייסען וועבין דעם שיכר אום גישטעלטין וויין. האט דער בעדינער גיבארפט אזוי טאהן:

ט תניא: מיר האבען גילערונט רבי מאיר זאגט אמענטש זאל ניט שטארק בעטין זיין חבר ער זאל ביי איהם עסין. ווייל ער ווייס ער וועט ניט עסין בייא איהם. ווארום ער נארט זיין חבר. דער חבר מיינט אז ער איז איהם טאקי אזוי אגוטער פריינד אונ ער וויל מען זאל ביי איהם עסין. אונ אין אמת איז ריגען. אונ ער זאל ניט געבין זיין חבר פיל מתנות ווייל ער ווייס ער נעמט ניט קיין מתנות. ווארום ער נארט איהם. אונ אויב איינער האט ביי זיך פעסער וויין וואס זייא זענען שוין פאר קויפט צו אקרעמער. אונ צוא איהם איז געקומען אגאסט אונ ער עפינט איין פאס וויין פון די פאר קויפטע פעסער אונ ער גיט צום גאסט אגלאז וויין: דארף ער זאגען צום גאסט אז די פאס איז שוין אפאר קויפטע. דער גאסט זאל ניט מיינען ער הט גיעפינט די פאס פון זיינעט וועגין ער זאל איהם געבין גוטען וויין. וועט דער גאסט טראכטען וואס פאר אגוטער פריינד איז דער מענטש צו מיר אז פון מיינעט וועגין הט ער גיעפינט אפאס וויין אפילו דיא איבעריגע וויין וועט ביי איהם קאליע ווערין ווארום עס וועט אוים גיוועפט ווערין: אונ אין אמת וואלט ער פון זיינעט וועגין גאר ניט גיעפינט די פאס וויין. נאר ווייל די וויין איז שוין פאר קויפט אונ ער גיט זיא באלד צום קרעמער דריבער האט ער גיעפינט דיא פאס. דריבער מוז ער איהם זאגען אז די פאס איז שוין אפאר קויפטע אונ איך האב גאר ניט שאדין. אונ ער טאר ניט צו גיין צו זיין חבר מיט אליידיגען קריגול אונ זאגען צו איהם נעם אביסול בוימאייל אונ בשמיר דיך. ווייל ער ווייס אז דער חבר שמירט זיך ניט מיט בוימאייל: דריבער זאגט ער צו איהם אזוי. אונ דער חבר מיינט אז אין דעם קריגול איז טאקי דא בוימאייל אונ ער וויל אין אמת איך זאל מיך שמירען מיט בוימאייל. וועט ער אומזיסט איהם דאנקען. אונ אויב מיט דעם גאסט זענען דא נאך מענטשין אונ ער בעט דעם גאסט ער זאל ביי איהם עסין. אדער ער עפינט אפאר קויפטע פאס וויין אונ זאגט ניט אז זיא איז פאר קויפט. ווייל יענע מענטשין זאלען זעהן אז דעם גאסט דארף מען געבין כבוד. מעג מען. פרעגט דיא גמרא עולא

לחנוני אודועי אודעיה ואבע"א שאני עולא דחביב ליה לרב יהודה דבלאו הכי נמי פתוחי מפתח ליה. ת"ר לא ילך אדם לבית האבל ובידו לגין המתקשקש ולא ימלאנו מים מפני שמטעהו ואם יש שם חבר עיר מותר. ת"ר לא ימכור אדם לחברו סנדל של מתה בכלל של חיה שחוטה מפני שני דברים אחד מפני שמטעהו ואחד מפני הסכנה ולא ישגר אדם לחברו חבית של יין ושמן צף על פיה ומעשה באחד ששגר להכרו חבית של יין ושמן צף על פיה והלך וזימן עליה אורחים ונכנס ומצאה שהיא של יין וחנק את עצמו. ואין האורחין רשאין ליתן ממה שלפניהם לבנו ולבתו של בעל הבית אלא א"כ נטלו רשות מבעל הבית ומעשה באחד שזימן ג' אורחין בשני

להודיע לבריות שחביב הוא עליו מותר: המתקשקש. הכור. לפי שזה סבור שהוא מלא: שמטעהו. גונב דעתו: ואם יש שם חבר עיר. חבורת עיר שיש שם רבים וזה מתכוין להשיב את האבל בעיניהם שיאמרו כמה חשוב זה שזה מכבדו כל לכך: מותר. דגדול כבוד הבריות: סנדל. של עור בהמה שמתה מאליה אין עורה חזק כשל בריאה שחוטה: חיה שחוטה. בריאה שחוטה: הסכנה. שמא מחמת נשיכת נחש מתה והארס נבלע בעור: ושמן צף על פיה. כסבור שהכל שמן ומזמן עליו אורחים ונמצא שיש לו שמן הרבה לצרכם: וחנק את עצמו. שלא היה לו מה להאכילם ובוש מהם: שעוזק. סוגר כמו ויעזקהו:

איז אַמאהל גיקומען צו רב יהודה. האָט רב יהודה גיעפינט פון זיינעט וועגן פעסער ווין וואס זענען גיוועזען פאַר קויפט צו אַקרעמער. ענטפערט דיא גמרא רב יהודה האָט גזאגט צו עולא אז דיא פעסער ווין זענען פאר קויפטע. אָדער עולא איז אַזוי ליב גיוועזען בייא רב יהודה אַז רב יהודה וואָלט גיהאט פעסער ווין ניט פאר קויפטע וואָלט ער זייא אויך גיעפינט פון עולאס וועגן:

רבנן האָבען גילערנט אַז אַמענטש גייט טרייסטען אַאבל זאָל ער ניט האַלטען אין האַנט אַקרינגול מיט אַביסעל ווין. וואָרום דער אבל וועט זיך נאַרען. ער וועט מיינען דער קרוג איז פול מיט ווין; אונ ער זאָל ניט אָן גיסען דעם קרוג פול מיט וואַסער. וואָרום דער אבל וועט מיינען דער קרוג איז פול מיט ווין. אונ אויב ביי דעם אבל איז גיוועזען נאָך אַנדערע מענטשין. אונ ער האָט גיוואָלט געבין כבוד צום אבל; מען זאָל זאָגען אַז דער מענטש גיט כבוד צו דעם אבל געווים איז ער אַגרויסער מאַן. אונ ער האָט אָבער ניט קיין ווין. מעג ער ברייַנגען אין קרוג וואַסער מען זאָל מיינען דאָס איז ווין:

דיא רבנן האָבען גילערנט אַמענטש טאָר ניט פאַר קויפען צו זיין חבר אַשוך וואָס איז גימאַכט גיוואָרין פון די פעל וואָס דיא בהמה איז גיפּייגערט. אונ ער נאַרט דעם חבר אונ זאָגט איהם דיא בהמה איז גיוועזען גיזונדט אונ מען האָט איר גישאָכטען; פון וועגן צווייא זאַכען טאָר מען דאָס ניט. איין מאָהל ווייל ער נאַרט איהם. וואָרום די פעל פון אַקראַנקע בהמה וואָס איז גיפּייגערט איז ניט אַזוי שטאַרק ווי דיא פעל פון אַגיזונטע בהמה וואָס מען האָט איר גישאָכטען. דאָס אַנדערע ווייל עס איז אַסכנה; עס קען זיין די בהמה איז גיפּייגערט ווייל אַשלאַנג האָט איר אַביס גיטאָהן, איז אַריין דער גיפט פון שלאַנג אין דיא פעל אויך. אונ אַז דער חבר וועט אַריין שטעקין דעם פוס אין דעם שוך קען ארויס דער גיפט פון די פעל אין דיא פוס; אונ אַמענטש טאָר ניט שיקען צוא זיין חבר אַפאַס ווין; אונ פון הויבין אויף דיא ווין איז אַרויף גיגאָסען בוימאייל. וואָרום ער נאַרט דאָך דעם חבר. דער חבר וועט מיינען עס איז אַ גאַנצען בוימאייל. עס האָט אַמאָהל גיטראָפען איינער האָט געשיקט צוא זיין חבר אַפאַס ווין אונ אויף דיא ווין האָט ער אַרויף גיגאָסען בוימאייל; האָט דער חבר גימיינט ער האָט אַפאַס בוימאייל. האָט ער גיבעטין צו זיך געסט ער זאָל מאַכען פאַר זייא אַסעודה פון דיא בוימאייל, דער נאָך האָט ער גיזעהן אַז ער האָט ניט קיין בוימאייל נאָר ווין; איז ער פאַר שעמט געבליבען. האָט ער זיך דער וואָרגין:

אַז עס קומען געסט צו אַמענטשין. אונ דער מענטש האָט פאַר זייא גישטעלט שפּייזען צום עסין טאָרין ניט דיא געסט געבין פון זייערע שפּייזען צו דעם זוהן אָדער צו דיא טאָכטער

הוו אתו לסיכרא פגעו אהדדי. כסבור מר זוטרא דלקראתו יצאו: כולי האי. יצאתם יותר מדאי: לא הוה ידעינן. ולעסות עסקינו ולילך למקום אחר יצאנו: דאחלישתיה לדעתיה. שהיה סבור שבכבודנו: והא קמטעינן ליה. אם לא הייתי מגלגו היה מהזיק לנו טובה הנס: איהו הוא דמטעי אנפשיה. אחרי שאנו לא אמרנו לו לקראתך יצאנו:

בשני בצורת ולא היה לו להניח לפניהם אלא כג' ביצים בא בנו של בעה"ב נטל אחד מהם חלקו ונתנו לו וכן ב' ובן ג' בא אביו של תינוק מצאו שעוזק אחד בפיו וב' בידיו חבטו בקרקע ומת כיון שראתה אמו עלתה לגג נפלה ומתה אף הוא עלה לגג נפל ומת א"ר אליעזר בן יעקב על דבר זה נהרגו ג' נפשות מישראל מאי קמ"ל דכולה ר' אליעזר בן יעקב היא:

(ע"ב) י מר זוטרא בריה דרב נחמן הוה קאזיל מסיכרא לבי מחוזא ורבא ורב ספרא הוו קאתו לסיכרא פגעו אהדדי הוא סבר לאפיה הוא דקאתו אמר להו למה להו לרבנן דטרחו ואתו כולי האי א"ל רב ספרא אנן לא הוה ידעינן דקאתי מר אי הוה ידעינן טפי הוה טרחינן א"ל רבא כ"ט א"ל הכי דאחלישתיה לדעתיה א"ל והא קא מטעינן ליה איהו הוא דקא מטעי נפשיה:

פון בעל הבית: סיידין זייא האבען גיפרעגט ביי דעם בעל הבית אונ ער האט גיהייסען עס האט אמאהל גיטראפען אין אהונגער יאהר האט איינער גיבעטין צו זיך דרייא מענטשין אונ ער האט ניט מער גיהאט צו געבין פאר זייא נאר דריי אייער. פאר יעדען הט ער גיגעבען אאיי. איז גיקומען דער זוהן פון בעל הבית צו איין גאסט. האט דער גאסט גינומען זיין איי אונ האט איהם אוועק גיגעבין. דער נאך איז דער זוהן גיקומען צום אנדערין גאסט. הט ער איהם אוועק גיגעבין זיין איי. דער נאך איז דער זוהן גיקומען צום דריטען גאסט. האט ער איהם אוועק גיגעבין זיין איי: איז אריין גיקומען דער פאטער פון דעם קינד האט ער גיזעהן וויא דאס קינד האלט איין איי אין מויל אונ צוויי אייער האלט ער אין דיא הענט. הט ער אוואורף גיטאהן דעם קינד אויף דיא ערד אונ ער איז גישטארבען. וויא די מוטער האט גיזעהן אז דאס קינד איז גישטארבען איז זיא ארויף גיגאנגען אויף דעם דאך אונ האט זיך אראפ גיווארפען אונ איז גישטארבען. אונ דער פאטער איז אויך ארויף גיגאנגען אויף דעם דאך אונ האט זיך אראפ גיווארפען אונ איז גישטארבען; האט רבי אליעזר בן יעקב גזאגט דורך דיא זאך זענען גיהרגת גיווארין דרייא מענטשין פון יודען. פרעגט דיא גמרא וואס דער ציילט אונז רבי אליעזר בן יעקב. מיר זעהן דאך אז דרייא מענטשין זענען גיהרגת גיווארין. ענפערט דיא גמרא מיר זאגען וויסען אז דיא מעשה איז אמת ווארום רבי אליעזר בן יעקב הט דאס דער ציילט:

י מר זוטרא דער זוהן פון רב נחמן איז גיגאנגען פון סיכרא צו מחוזא. רבא אונ רב ספרא זענען גיגאנגען פון מחוזא צו סיכרא. האבען זייא זיך בגעגינט. מר זוטרא האט גימיינט אז רבא מיט רב ספרא האבען גיהערט אין מחוזא אז ער דארף קומען אין מחוזא זענען זיי ארויס גיגאנגען איהם אנטקעגין צו געבין איהם כבוד. האט מר זוטרא גזאגט צו רבא מיט רב ספרא צו וואס האבען דיא רבנן גידארפט זיך מטריח זיין אונ גיין אזוי אשטיק וועג מיר אנטקעגין. האט רב ספרא גזאגט צו מר זוטרא מיר גייען גאר אונזער וועג מיר האבען גאר ניט געוואוסט אז דוא קומסט אויך אין דער וועג. ווען מיר וואלטען וויסען אז דוא גייסט דא אין דער וועג. וואלטען מיר אונז נאך מער מטריח גיוועזען צו גיין דיר אנטקעגין. האט רבא גזאגט צו רב ספרא פאר וואס האסטו אזוי גזאגט צו מר זוטרא אונ דוא האסט איהם מצער גיוועזען. ער האט דאך גימיינט אז מיר האבען איהם גיגעבין כבוד. וואס וואלט אונז גיהארט אז ער וואלט ווייטער מיינען אז מיר האבען איהם גיגעבין כבוד. האט רב ספרא גזאגט וואלטין מיר דאך איהם גינארט; אז מיר וואלטען איהם ניט אויס גזאגט דעם אמת. וואלט ער אונז גידאנקט אומזיסט. האט רבא גיענפערט ניט מיר נארען איהם. נאר ער נארט זיך אליין; וואס הארט אונז אז ער נארט זיך אליין:

(דף נס ע"ב) **יא רב** הוה קאזיל לבית רב חנן חתניה חזי מברא דקאתי לאפיה אמר מברא קאתי לאפאי יומא טבא לגו אזל קם אבבא אודיק בבזעא דדשא חזיא היותא דתליא טרף אבבא נפוק אתו כ"ע לאפיה אתא טבחא נמי לא עלים רב עיניה מיניה אמר להו איכו השתא ספיתו להו איסורא לבני ברתי לא אכל רב מההוא בישרא מ"ט אי משום איעלומי הא לא איעלים אלא דנחיש והאמר רב כל נחש שאינו כאליעזר עבד אברהם וכיונתן בן שאול אינו נחש אלא סעודת רשות הואי ורב לא מיתהני מסעודת הרשות רב בדיק במברא ושמואל בדיק בספרא רבי יוחנן בדיק בינוקא . כולהו שני דרב הוה כתב ליה ר' יוחנן לקדם רבינו

חזי מברא. מעבורת הנהר שהיתה באה מעבר השני לעבר זה: אמר מברא אתי לאפאי יומא טבא לגו. סימן טוב הוא לעוברי דרכים כשהמעבורת באה נקראתם מאליה קודם שזימנוה י"ע להם בבית אושפיזא באותו לילה בשלינו: אודיק בבזעא דדשא. הציץ דרך סדק שבדלת: איכו השתא. כלומר אם לא באמירתי הכם השתא ספיתו איסורא לבני ביתי שהעלמתם עיניכם: דנחיש. אמעברא דאתא לאפיה דאמר יומא טבא לגו: כל נחש. שאינו סומך עליו ממש כאליעזר עבד אברהם שאם השקני אדבר בה ואם לאו לא אדבר בה: וכיונתן בן שאול. אם יאמרו אלינו עלו ועלינו: סעודת הרשות. בת ת"ח לעם הארץ באלו עוברין: בדק במברא. אם מזומנת לו אזל ואם בקושי מלאה לא אזל: בינוקא. דשייל ליה פסוק לי פסוקך: כולהו שני. דהוה רב קיים בבבל כי הוה כתב ר"י מא"י שאלה או תשובה היה כותב באגרתו לקדם רבינו

יא רב איז אמאהל געגאנגען צו זיין איידים רב חנן. ווייא ער איז גיקומען צו א טייך האט ער גיזעהן דער פראהם קומט אנטקעגען איהם. האט רב גיזאגט אז דער פראהם קומט אן אנטקעגען מיר. איז א סימן אז אין דער שטוב וואס איך וועל נעכטיגען היינט וועט דארט זיין איום טוב. איז ער גיקומען צו דיא שטוב פון זיין טאכטער אונ האט זיך גישטעלט נעבען די טיר. אונ האט גיקוקט דורך דעם שפאלט וואס אין דיא טיר. האט ער גיזעהן גישאכטענע בהמות הייגען. האט רב אקלאפ גיטאהן אויף די טיר: זענען אלע מענטשין פון שטוב ארויס גיגאנגען געגין רב. אונ דער שוחט איז אויך ארויס גיגאנגען פון שטוב. האט רב ניט אוועק גינומען דיא אויגען פון דיא פלייש וואס איז גיוועזן אין שטוב. האט רב גיזאגט צו זיי איצט ווען איך וואלט ניט אכטונג גיגעבין אויף דיא פלייש. וואלט איהר גיגעבין עסין צו די קינדער פון מיין טאכטער אזעלכע פלייש וואס מען טאר זייא ניט עסין. ווייל איהר האט ניט אכטונג גיגעבין אויף דיא פלייש. רב האט ניט גיגעסין פון דיא פלייש. פרעגט דיא גמרא פאר וואס האט רב ניט גיוואלט עסין דיא פלייש. איך זאל זאגין ווייל מען האט ניט אכטונג גיגעבין אויף דיא פלייש. ער אליין האט דאך אכטונג גיגעבין. וועלין מיר זאגין ווייל ער האט גימאכט א סימן מיט דיא פראהם. הייסט דאס אזוי ווייא לא תנחשו איהר זאלט ניט מאכען קיין סימן וואס די תורה האט פאר באטין. רב האט דאך גיזאגט מען זאל מאכין א סימן אזוי ווייא אליעזר דער קנעכט פון אברהם האט גימאכט. אדער אזוי ווייא יונתן דער זוהן פון שאול האט גימאכט. דאס טאר מען ניט. ווייל זייא האבין זיך פארלאזין אין גאנצין נאר אויף דעם סימן. אבער אזוי א סימן וואס א מענטש מאכט זיך אויף אזאך אונ ער פארלאזט זיך ניט אויף דעם סימן דאס מעג מען. נאר דריבער האט רב ניט גיוואלט עסין. ווייל דאס איז ניט גיוועזן א סעודה אויף א מצוה. אונ אזוי א סעודה וואס ניט אויף א מצוה האט רב ניט גיגעסין פון איר. רב אז ער פלעגט דארפען אריבער שיפען א טייך. האט ער גימאכט א סימן. אויב ער האט באלד בעקומען א שיף. האט ער זיך געשיפט. אונ אויב עס איז איהם אן גיקומען שווער צו בעקומען א שיף האט ער זיך ניט געשיפט. שמואל אז ער פלעגט וועלין וויסען אזאך ער זאל יא טאהן אדער ניט טאהן. פלעגט ער עפענען א ספר אויב ער האט גיפונען א גוטען פסוק. האט ער דיא זאך גיטאהן. אונ אויב א שלעכטין פסוק. האט ער דיא זאך ניט גיטאהן. רבי יוחנן אז ער פלעגט וועלין וויסען אזאך פלעגט ער פרעגין בייא א קינד ער זאל איהם זאגין א פסוק. אויב ער האט איהם גיזאגט א גוטין פסוק. האט ער גיטאהן די זאך. אונ אויב א שלעכטין פסוק. האט ער ניט גיטאהן דיא זאך. אלע יאהרין וואס רב האט גילעבט אין בבל. ווען רבי יוחנן פלעגט שרייבין א בריף צו רב. פלעגט ער שרייבין "צו אונזער רבי וואס אין בבל": אז רב איז גישטארבען אונ רבי

רבינו שבבבל כי נח נפשיה הוה כתב לשמואל לקדם חברנו שבבבל אמר לא ידע לי מידי דרביה אנא כתב שדר ליה עיבורא דשיתין שני אמר השתא חושבנא בעלמא ידע כתב שדר ליה תליסר גמלי ספיקי טריפתא אמר אית לי רב בבבל איזיל אחזייה א"ל לינוקא פסוק לי פסוקיך א"ל (ש"א כח) ושמואל מת אמר ש"מ נח נפשיה דשמואל ולא היא לא שכיב שמואל אלא כי היכי דלא ליטרח רבי יוחנן. תניא ר"ש בן אלעזר אומר בית תינוק ואשה אף ע"פ שאין נחש יש סימן א"ר אלעזר והוא דאתחזק תלתא זימני דכתיב (בראשית מב) יוסף איננו ושמעון איננו ואת בנימין תקחו:

יב אמר רבא מריש' הוה אמינא סימנא עדיף מטביעות עינא דהא מהדרינן אבידתא בסימנא (דף ט) ולא מהדרינן בטביעות עינא השתא דשמעתינהו

בבבל: אמר. שמואל: לא ידע לי מידי דרביה אנא. לא אוכל לחפש דבר שאהיה אני בקי בו והוא לא בגאו ואהיה רבו: תליסר גמלי. לאו דוקא: ספיקי טריפתא. מיני ספק טרפות ואני כמעתי כנך ספיקי עופות טמאים דאלו טרפות: בית תינוק ואשה. בנה בית או נולד לו בן או נשא אשה: אע"פ שאין נחש. שאסור לנחש ולסמוך על הנחש: יש סימן. סימנא בעלמא הוי מיהא דאי מצלח בסחורה כאשר ה' אמר שבנה בית או שנולד התינוק או שנשא אשה סימן הוא שהולך ומצליח ואי לא לא ירגיל לצאת יותר מדאי שיש לחוש שלא יצליח: תלתא זימני. מצליח או לא מצליח: יוסף איננו ושמעון איננו. הרי שתים ואת את בנימין תקחו מיד עלי היו כלנה אין לך צרה שאינה עוברת עלי:

דהא מהדרינן אבידתא. לכל אדם בסימנים ולא מהדרינן אבידתא בטביעות עינא אלא לצורבא

יוחנן פלעגט שרייבן אבריף צו שמואל. פלעגט ער שרייבן ..צו אונזער חבר וואס אין בבל״: האט שמואל גיזאגט איך וואלט גערין אויס זוכען אזאך וואס איך זאל וויסען אונ רבי יוחנן זאל ניט וויסען: איך זאל איהם קענען ווייזען אז איך בין זיינער ארבי. האט שמואל אויף געשריבען אלוח אויף זעכציג יאהר אונ האט אויס געשריבען אלע יאהרין ווערכע עס וועלין זיין צו דרייצעהן חדשים. צוויא מאהל אדר. אונ האט דאס געשיקט צו רבי יוחנן. האט רבי יוחנן גיזאגט דאס איז דאך ניט קיין תורה, דאס איז נאר ארע כנונג. קען ער בעסער רעכענען פאר מיר. אבער ניט ער קען בעסער לערנען פאר מיר: האט שמואל אויף געשריבען אויף דרייצעהן בויגין פאפיר שאלות פון טרפות [עיין תוספות] אונ האט געשיקט צו רבי יוחנן: האט רבי יוחנן גיזאגט איך האב ארבי אין בבל איך וועל גיין איהם זעהן. האט רבי יוחנן גיזאגט צו אקינד זאג מיר אפסוק. האט דאס קינד גיזאגט דעם פסוק ושמואל מת. האט רבי יוחנן גיזאגט פון דאנען ווייס איך אז שמואל איז גישטארבין. זאגט דיא גמרא עס איז ניט אמת גיוועץ ער איז באמאלם ניט גשטארבין. נאר גאט האט אריין גיגעבין דעם קינד אין מויל דעם פסוק. רבי יוחנן זאל זיך ניט מטריח זיין צו גיין אין בבל:

מיר האבען גילערונט רבי שמעון בן אלעזר זאגט אז איינער באהט אנייע שטוב. אדער עס ווערט ביי איהם גיבאהרין אקינד. אדער ער נעמט אווייב. אפילו מען טאר ניט מאכען קיין פראבע. פון דעסטוועגין מעג מען דאס מאכין פאר אסימן. ודעם ערשטין האנדעל וואס ער מאכט נאך דער התונה. אדער נאך דעם ווי דער קינד איז גיבאהרין גיווארען: אדער נאך דעם וויא ער האט דיא שטוב גיבאהט. אונ דער האנדיל איז גיוועזן גליקלאך. זאל ער וויסען אז אלע האנדלען זיינע וועלין גליקלאך זיין. אונ אויב דער ערשטער האנדיל זיינער איז ניט גליקלאך גיוועזן. זאל ער וויסען אז אלע זיינע האנדלען וועלין ניט גליקלאך זיין] . רבי אלעזר זאגט מיט דריי מאהל איז אסימן. אויב ער האט דריי האנדלען גימאכט אונ האט ניט געגליקט. וועט ער ניט גליקען קיין מאהל. אונ אויב ער האט דריי האנדלען גימאכט אונ האט יא בגליקט וועט ער אלע מאהל בגליקען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק יעקב האט גיזאגט יוסף איז ניטא. אונ שמעון איז ניטא. אונ איהר וועט נעמען בנימין. טאמער וועט איהם אויך טרעפען אאומגליק. וועט שוין זיין דרייא אומגליקען. האב איך מורא טאמער וועלין שוין קומען אויף מיר אלע אנדערע אומגליקען:

יב אמר. רבא האט גיזאגט אין אנהייב פלעג איך זאגין אז איינער האט אצייכען אויף אזאך. אז די זאך איז זיינע. איז בעסער וויא ער דער קענט דיא זאך מיט דעם קוק אז זיא איז

רשמעתינהו להני שמעתתא אמינא טביעות עינא עדיפא ראלת"ה היאך סומא מותר באשתו ובני אדם מותרים בנשותיהם בלילה אלא בטביעות עינא דקלא ה"נ בטביעות עינא אמר ר' יצחק בריה דרב משרשיא תדע דאילו אתו בי תרי ואמרי פלנא דהאי סימניה והאי סימניה קטל נפשא לא קטלינן ליה ואילו אמרי אית לן טביעות עינא בגויה קטלינן ליה:

(דף קא ע"ב) **יג פיסקא** גיד הנשה נוהג בטהורה ואינו נוהג בטמאה ר' יהודה אומר אף בטמאה אמר ר' יהודה והלא מבני יעקב נאסר גיד הנשה ועדיין בהמה טמאה מותרת להן וכו' תניא אמרו לו לר' יהודה וכי נאמר (בראשית לב) על כן לא יאכלו בני יעקב והלא לא נאמר אלא בני ישראל ולא נקראו בני ישראל עד סיני אלא בסיני נאמר אלא שנכתב במקומו לידע מאיזה טעם נאסר להם. מתיב רבא

מדבק באלו מצאות: להני שמעתתא. דשרי איסור בטביעות עינא: בטביעות עינא דקלא. שנותן דעתו להכירה בקול ומאהבה לא ילפינן דהתם משום חימוד הממון הייסינן דילמא משקר דאמר מר גזל ועריות נפשו של אדם מתאוה להם ומחמדתן: תדע. דט"יעות עינא עדיפא: פלניא דהאי סימניה. פלוני הרג את הנפש ואין אנו מכירין בו לעולם אלא סימנים כך וכך היו בו פו ובכניו של הורג: טביעות עינא אית לן בגויה. ומכירין אנו בו:

ולא נקראו בני ישראל עד סיני. ולקמיה מקשי ליה: אלא. מקרא זה לא נאמר עד סיני אלא לאחר שקבלו משה בסיני ובא לכתוב את התורה כתב

וַיינֶע. וָוארום אַז אֵיינֶער הָאט גִיפוּנְען אַזַאךְ אוּנ דֶער חַבֵר קוּמְט אוּנ זָאגְט אַצֵייכְען אַז דִי זַאךְ אִיז זַיינֶע. גִיט מֶען אִיהם אַוֶועק דִיא זַאךְ. אוּנ אַז עֶר זָאגְט עֶר הָאט נִיט קֵיין צֵייכֶען אוּיף דִיא זַאךְ. נָאר עֶר דֶער קֶענְט דִי זַאךְ אַז זִיא אִיז זַיינֶע. גִיט מֶען אִיהם נִיט אַוֶועק דִי זַאךְ. אָבֶּער אִיצְט אַז אִיךְ הָאבּ גִיהֶערְט דִיא דִינִים. הָאבּ אִיךְ גִיזָאגְט אַז מֶען דֶער קֶענְט אַזַאךְ מִיט דֶעם קוּק. אִיז נָאךְ בֶּעסֶער וְויא מֶען הָאט אַצֵייכֶען אִין אַזַאךְ. וָוארום אַז דוּא וֶועסְט נִיט אַזוֹי זָאגִין וְויא אַזוֹי מֶעג אַבְּלִינְדֶער וואהְנֶען מִיט זַיין וַוייבּ. אוּנ וְוי אַזוֹי מֶעגִין אַלֶע מֶענְטְשִׁין גֵיין צוּ זַייעֶרֶע וַוייבֶּער בַּיי נַאכְט. נָאר עֶר דֶער קֶענְט אִיהר קוֹל. אַזוֹי אַלֶע זַאכֶען וָואס מֶען דֶער קֶענְט מִיט דֶעם קוּק. אִיז אוּיךְ גוּט. רַבִּי יִצְחָק בְּרֵיה דְרַב מְשַׁרְשְׁיָא זָאגְט אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזֶען אַז אַדֶער קֶענוּנְג אִיז בֶּעסֶער וְויא אַצֵייכֶען. וֶוען צְוֵוייא מֶענְטְשִׁין זָאלֶען קוּמֶען זָאגִין מִיר הָאבְּען גִיזֶעהְן וְויא יֶענֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט אַזוֹי אַצֵייכֶען הָאט גִיהַרְגֶעט אַיין מֶענְטְשִׁין. נָאר אָן דֶעם צֵייכֶען וֶועלִין מִיר אִיהם נִיט דֶער קֶענֶען: הַרְגֶעט מֶען אִיהם נִיט. אוּנ אַז דִיא צְוֵוייא מֶענְטְשִׁין זָאגֶען מִיר קֶענֶען דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גִיהַרְגֶעט אַמֶענְטְשִׁין. הַרְגֶעט מֶען אִיהם יָא:

יג פיסקא. אַז מֶען עֶסְט דֶעם גִיד הַנָשֶׁה פוּן אַבְּהֵמָה וָואס מֶען מֶעג אִיהר עֶסִין. קוּמְט אִיהם מַלְקוֹת. אָבֶּער אַז מֶען עֶסְט דֶעם גִיד הַנָשֶׁה פוּן אַבְּהֵמָה וָואס מֶען טָאר זִיא נִיט עֶסִין. קוּמְט נִיט מַלְקוֹת. רַבִּי יְהוּדָה זָאגְט אַז מֶען עֶסְט דֶעם גִיד הַנָשֶׁה פוּן אַבְּהֵמָה וָואס מֶען טָאר זִיא נִיט עֶסִין. קוּמְט אוּיךְ מַלְקוֹת. הָאט רַבִּי יְהוּדָה גִיזָאגְט דֶער גִיד הַנָשֶׁה אִיז דָאךְ גִיוָוארֶען אָסוּר צוּ עֶסִין ווען יַעֲקב אָבִינוּ הָאט גִילֶעבְּט. אוּנ אִין דִי צַייט פוּן יַעֲקב אָבִינוּ הָאט מֶען דָאךְ גִימֶעגְט עֶסִין אַלֶע בְּהֵמוֹת. אִיז דָאךְ אָסוּר גִיוָוארֶען דֶער גִיד הַנָשֶׁה פוּן אַלֶע בְּהֵמוֹת. מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט דִי חֲכָמִים הָאבֶּען גִיזָאגְט צוּ רַבִּי יְהוּדָה שְׁטֵייט דֶען אִין פָּסוּק דְרִיבֶּער זָאלֶען דִי בְּנֵי יַעֲקב נִיט עֶסִין דֶעם גִיד הַנָשֶׁה. עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין פָּסוּק בְּנֵי יִשְׂרָאֵל זָאלֶען נִיט עֶסִין דֶעם גִיד הַנָשֶׁה. אוּנ דִי יוּדֶען זֶענֶען נִיט גִירוּפֶען גִיוָוארֶען בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בִּיז זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּם בַּארְג סִינַי. נָאר אַזוֹי אִיז גִיוֶועןְ. דֶער דִין אַז מֶען טָאר נִיט עֶסִין דֶעם גִיד הַנָשֶׁה אִיז גִיזָאגְט גִיוָוארֶען וֶוען דִי יוּדֶען הָאבֶּען גִינוּמֶען דִי תּוֹרָה בַּיי דֶעם בַּארְג סִינַי. נָאר פַאר וָואס שְׁטֵייט דֶער דִין פוּן גִיד הַנָשֶׁה נֶעבְּן יַעֲקב אָבִינוּ. מֶען זָאל וִויסֶען פַאר וָואס מֶען טָאר נִיט עֶסִין דֶעם גִיד הַנָשֶׁה. הָאט רָבָא גִיפְרֶעגְט עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין פָּסוּק בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הָאבֶּען גִיטְרָאגֶען זַייעֶר פָאטֶער יַעֲקב. זֶעהְן מִיר דָאךְ אַז דִי קִינְדֶער פוּן יַעֲקב הֵייסֶען אוּיךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל. עֶנְפֶערְט דִיא גְמָרָא וֶוען יַעֲקב אִיז לָאהם וְהִינְקֶעדִיג גִיוָוארֶען הָאט מֶען אִיהם

רבא (סס מו) וישאו בני ישראל את יעקב אביהם לאחר מעשה א"ל רב אחא בריה דרבא לרב אשי מהאי שעתא ליתסר אמר ליה וכי הורה פעמים פעמים ניתנה ההיא שעתא לאו שעת מעשה הואי ולא שעת מתן תורה הואי:

כל הבשר פרק שמיני

(דף קס) **א אמר** שמואל אנא להא מילתא חלא בר חמרא לגבי אבא דאילו אבא הוה סייר נכסיה תרי זימני ביומא ואנא לא סיירנא אלא חדא זימנא שמואל לטעמיה דאמר שמואל מאן דסייר נכסיה כל יומא ויומא משכח איסתרא. אביי הוה סייר נכסיה כל יומא ויומא יומא חד פגע באריסיה דדרי פתכא דאופיא א"ל הני להיכא א"ל לבי מר א"ל כבר קדמוך רבנן. רב אסי הוה סייר נכסיה כל יומא אמר היכא נינהו כל הני איסתרי דמר שמואל יומא חד חזא צינורא דבידקא בארעיה שקליה לגלימיה כרכיה אותביה בגויה רמא קלא אתו אינשי סכרוה אמר אשכחתינהו

אותה אזכרה אלא כמעשה לידע וכו': לאחר מעשה. שנאבק עמו לזמן מריבה בו או מפקן אדם ונקב"ה קראו ישראל דכתיב לא יקרא שמך עוד יעקב כי אם ישראל וגו': מהאי שעתא. דוישאו בני ישראל ליתסר:
סייר. הולך ורואה קרקעותיו מה הן צריכות: משכח איסתרא. מוצא סלע מפני שמתקן בכל הצריך: פתכא דאופיא. משוי עצים שהיה גונבו: קדמוך. שאמרו שיצא אדם רואה נכסיו בכל יום ויראה מה יעשו: (איסתרי כו'. ודאי דהוה ידע דלא מתני הא מר דימצא איסתרי אלא נסמוך עלתו מהפכה אלא דקאמר דאין לטרוח כ"כ בכל יום): צינורא דבידקא. כמים יוצאין הון לגדותיהן ובהין נשטף פירותיו דרך פתח שבשפת האמה: רמא קלא. הרים קול וצוח:

גירופֶען יַעקב. אונ זַיינֶע קינדֶער הָאבֶּען גיהֵייסֶען בְּנֵי יַעקב. אָבֶּער הֶער נָאךְ וֶוען יַעקב איז גיקוּמֶען פוּן פַּדַן אֲרָם אוּנ נָאכְט הָאט אִיהם גירוּפֶען יִשְׂרָאֵל. רוּפְט מֶען זַיינֶע קינדֶער בְּנֵי יִשְׂרָאֵל. הָאט רַב אַחָא בְּרֵיהּ דְרָבָא גיזָאגְט צוּ רַב אַשִׁי זָאלֶען דִי קינדֶער פוּן יַעקב נִיט טָארִין עֶסין דֶעם גִיד הַנָשֶׁה פוּן דֶער צַייט וָוס זֵיי זֶענֶען גירוּפֶען גיוָוארֶען בְּנֵי יִשְׂרָאֵל. הָאט רַב אַשִׁי גיזָאגְט איז דֶען דִי תּוֹרָה גינֶעבִּין גיוָוארֶען בִּיסלֶעכְוַוייז. פַּר וָואס זָאל מֶען אַסְרִין דֶעם גִיד הַנָשֶׁה אין דֶער צַייט וֶוען בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הָאבֶּען גיטְרָאגֶען זֵייעֶר פָאטֶער יַעקב. אין דֶער צַייט איז דָאךְ נִיט גיוֶועזֶען דִי מַעֲשֶׂה פוּן יַעקב וָואס עֶר איז לָאהם גיוָוארֶען. אוּנ דִי תּוֹרָה איז אוֹיךְ נִיט גינֶעבִּין גיוָוארֶען אין דֶער צַייט:

פרק שמיני

א אָמַר. שְׁמוּאֵל הָאט גיזָאגְט צוּ דֶער זַאךְ בִּין אִיךְ גֶעגִין מַיין פָאטֶער אַזוֹי וִויא עֶסִיג גֶעגִין וויין. מַיין פָאטֶער גֵייט אַרוּם זֶעהֶן זַיינֶע פֶעלדֶער צְוַויי מָאהל אִין טָאג. אוּנ אִיךְ גֵיי אַרוּם זֶעהֶן מַיינֶע פֶעלדֶער נָאר אֵיין מָאהל אִין טָאג. וָוארוּם שְׁמוּאֵל הָט גיזָאגְט דֶער וָוס זֶעהט אַרוּם זַיינֶע פֶעלדֶער אַלֶע טָאג גֶעפִינְט עֶר אַטָאלֶער. וַוייל עֶר זֶעהט אַלֶע טָאג וָוס עֶס פֶעלְט אִין דִי פֶעלְד. פַּר בֶּעסֶערְט עֶר זִיא. דוּרךְ דֶעם וַואקסְט בֶּעסֶער אִין פֶעלְד:
אַבַּיֵי פְלֶעגְט אַרוּם גֵיין זֶעהֶן זַיינֶע פֶעלְדֶער אַלֶע טָאג: אַמָאהל הָט אַבַּיֵי גיטְרָאפֶען וִוי דֶער אַרבֶּעטֶער פוּן זַיין פֶעלְד טְרָאגְט אַבִּינְטוּל הָאלְץ (גִיגַנבֶתְעו). זָאגְט אַבַּיֵי צוּם אַרבֶּעטֶער ווּ הִין טְרָאגְסְטוּ דִי בִּינְטוּל הָאלְץ. הָט דֶער אַרבֶּעטֶער גיזָאגְט אִיךְ טְרָאג דִי הָאלְץ צוּם רֶבִּי (צוּ אַבַּיֵין). וָדָט אִיז גיוֶועזְען אַלִיגֶען עֶר הָט גיוָואלְט טְרָאגֶען דִי הָאלְץ צוּ זִיךְ אַהֵיים: נָאר וַוייל אַבַּיֵי הָט גיזֶעהֶן הָט עֶר גִימוּזְט זָאגֶען אַז עֶר טְרָאגְט צוּ אַבַּיֵין. הָט אַבַּיֵי גיזָאגְט צוּם אַרבֶּעטֶער דִי רַבָּנָן הָאבֶּען שׁוֹין פְרִיעֶר גיזָאגְט אַז מֶען זָאל גֵיין אַלֶע טָאג אִין פֶעלְד. וָוארוּם מֶען וֶועט פַר דִינֶען. רַב אַסִי פְלֶעגְט אוֹיךְ אַרוּם זֶעהֶן זַיינֶע פֶעלְדֶער אַלֶע טָאג. הָט רַב אַסִי גיזָאגְט ווּ זֶענֶען דִיא אַלֶע טָאלֶערְס וָוס מַר שְׁמוּאֵל הָט גיזָאגְט מֶען גֶעפִינְט. אַמָאהל אִיז רַב אַסִי גִיקוּמֶען אִין פֶעלְד הָט עֶר גִיזֶעהֶן וִויא דִי וַואסֶער פוּן טַייךְ הֵייבֶּען אָן צוּ פַרפְלֵייצֶען זַיין פֶעלְד. דוּרךְ דִי לָאךְ וָוס אִיז גִיוָוארֶען אִין אַוַואנְט. הָט עֶר אוֹיס גִיטְאהן זַיין קַאפּאטֶע אוּנ הָט זִיא פַר וִויקוּלְט אוּנ הָט פַר שְׁטָאפְּט דִי לָאךְ. אוּנ עֶר הָט גֶעשְׁרִיגֶען מֶען זָאל אִיהם הֶעלְפִין. זֶענֶען גִיקוּמֶען מֶענְטְשֶׁין

אשכחתינהו לכולהו איסתרי דמר שמואל:

(פ"נ) **ב אמר** אביי מריש הוה אמינא האי דלא משו מיא בתראי על ארעא משום זוהמא אמר לי מר משום דשריא רוח רעה עלייהו. ואמר אביי מריש הוה אמינא האי דלא שקיל מידי מפתורא כי נקיט איניש כסא למשתי שמא יארע דבר קלקלה בסעודה אמר לי מר משום דקשי לרוח צרדה ולא אמרן אלא דשקיל ולא מהדר אבל משקל ואהדורי לית לן בה ולא אמרן אלא חוץ לארבע אמות אבל תוך ד' אמות לית לן בה ולא אמרן אלא מידי דצריך לסעודתא אבל מידי דלא צריך לסעודתא לית לן בה מר בר רב אשי קפיד אפילו אאסיתא יבוכנא דתבלי מידי דצריכי לסעודתא. ואמר אביי מריש הוה אמינא האי דכנשי נשורא משום מנקירותא אמר לי מר משום דקשי לעניותא. ההוא גברא דהוה מהדר עליה שרא דעניותא ולא הוה יכיל ליה דקא זהיר אנשורא טובא יומא חד כרך ריפתא איבלי אמר השתא ודאי נפל בידאי בתר דאכיל אייתי מרא עקרינהו ליבלי שדינהו לנהרא שמעיה

משום זוהמא. בריתן מסריח ונראים מאוסות: למשתי. כשאדם שותה אין לוקחין כלום מלפניו: דבר קלקלה. שמא יכעוס השותה שחפץ נאותו דבר המוטל וכי יכעוס יסתכן ויחנק: רוח צרדה. אשטורדישו"ן: חוץ לד' אמות. שמוליכו חוץ לד' אמות של שלחן: דכנשי נשורא. שמכבדין פירורי אוכלין מן הבית: מנקירותא. לנקר הבית נקיון: מהדר אבתריה שרא דעניותא. שר הממונה על העניות היה רודף ללכדו ולהביאו לידי עניות: איבלי. על עשבים שבחצר: נפל בידאי. שלא יוכל ללקט הפירורין מבין העשבים ויהיו למדרס

און האבען פר שטאפט די לאך מיט ציגול און מיט וואפנע. הט רב אסי גיזאגט איצט האב איך גיפונען אלע טאערם וואס מר שמואל הט גיזאגט:

ב אמר. אביי הט גיזאגט אין אנהייב פלעג איך זאגין דאס וואס מען וואשט ניט מים אחרונים אויף דער ערד. דאס איז וויל עס איז מיאוס. האט מיר דער רבי גזאגט וויל אויף דיא וואסער רוהט א שלעכטער גייסט דריבער טאר מען ניט טרעטין אויף די וואסער ווארום עס איז א סכנה. נאך האט אביי גזאגט אין אנהייב פלעג איך זאגען דאס וואס מען טאר ניט נעמען קיין זאך פון טיש ווען א מענטש האלט א כוס מיט משקה צום טרינקען. וויל טאמער וועט טרעפן א סכנה. ווארום עס קען זיין אז דער מענטש וואס טרינקט דארף דיא זאך וואס יענער נעמט. וועט ער ווערין אין כעס פאר וואס מען נעמט צו די זאך. קען ער דער ווארגין ווערין טרינקענדיג. האט דער רבי מיר גזאגט וויל עס שאדט צו דעם שלעכטין גייסט וואס הייסט צרדה. ווען שאדט נאר אז מען נעמט און מען לייגט ניט צוריק. אבער אז מען נעמט און מען לייגט צוריק שאדט ניט. און ווען שאדט אז מען לייגט ניט צוריק. אז מען האט אוועק גילייגט די זאך וואס מען האט גינומען פון טיש ווייטער ווי פיר איילען פון טיש. אבער אז מען האט די זאך גילייגט אין פיר איילען פון טיש שאדט ניט. און ווען שאדט אז מען האט דיא זאך גילייגט ווייטער ווי פיר איילען פון טיש. אז דיא זאך דארף מען צום עסין. אבער אז דיא זאך דארף מען ניט צום עסין. שאדט ניט וואס מען נעמט איר צו פון טיש. מר בר רב אשי פלעגט זיין אין כעס אפילו מען האט צוא גענומען פון טיש א שטויסל וואס מען שטויסט אין איהם בשמים. וויל בשמים דארף מען אויך צום עסין. נאך האט אביי גזאגט אין אנהייב פלעג איך זאגען דאס וואס מען קערט אוועק פון שטוב דיא קרושקעס ברויט וואס ליגט אויף די ערד. איז דאס די שטוב זאל זיין ריין. האט דער רבי מיר גזאגט וויל דאס שאדט צוא ארעמקייט. עס איז אמאהל גיוועזן א מענטש וואס דער שר פון ארעמקייט האט געזוכט איהם צו מאכען פאר א ארעם מאן. און ער הט ניט גיקענט. וויל דער מענטש איז גיוועזן שטארק געהיט נאך זיין עסין זאל ער אויף קלויבען אלע קרושקעס מען זאל ניט טרעטין אויף קרושקעס עסינווארג. אמאהל האט דער מענטש גיגעסען ברויט אויף גראז וואס הט גיוואקסען אויף דער ערד. הט דער שר גזאגט איצט איז שוין דער מענטש גיפאלען אין מיינע הענט. ווארום ער וועט ניט קענען אויף קלויבען דיא קרושקעס פון צווישען דיא גראז. וועלין דיא קרושקעס בלייבען ליגען און מען וועט טרעטין אויף זייא. וועל איך איהם שוין קענען מאכען פאר א ארעם מאן. דער נאך ווי דער מענטש הט

שמעיה דקאמר וי וי דאפקיה ההוא גברא מביתיה :

ג **ואמר** אביי מריש הוה אמינא האי דלא שתי אופיא משום כאיסותא אמר לי מר משום דקשי לכרסם מישתייה קשה לכרסם מינפת ביה קשיא לרישא מדחייה קשה לעניותא מאי תקנתיה לשקעיה שקועי . לכרסם דחמרא שכרא . דשכרא מיא . דמיא לית ליה תקנתא והיינו דאמרי אינשי בתר עניא אזלא עניותא . ואמר אביי מריש הוה אמינא האי דלא אכלי ירקא מכישא דאסר גינאה משום דמיחזי כרעבתנותא אמר לי מר משום דקשי לכשפים . רב חסדא ורבה בר רב הונא הוו קאזלי בארבא אמרה להו ההיא מטרוניתא אותבן בהדייכו לא אותבו אמרה מילתא אסרתה לארבא אמרו אינהו מילתא שריוה אמרה להו מאי

רגלים ואלכדנו בכך : שמעיה . ההוא גברא להוא שנא דקאמר וי דאפקיה מביתיה סוגיאני זה ממקום מנוחתי :
אופיא . איצקומ"א : לכרסם . ריירין שבאין מן החוטם : מדחייה . בידו נגדרין :
לשקעיה בקועי . בתוך המשקה עד שיכלה מאליו : לכרסם דחמרא . שנא לו מחמת אופיא דחמרא שכרא . רפואתו לשתות שכר : לכרסם דשכרא . שנא מחמת אופיא דשכרא לישתי מיא . בתר עניא · זה שלא היה לו אלא מים לשתות : מכישא דאסר גינאה . שאין מוציאין בוס או כריתין ואגודה שאוגדין מוכרי ירק לאכלו : כרעבתנותא . שאין יכול להמתין עד שיתירנו : לכשפים . הרואה אותו יכול לעשות לו כשפים והנשמר ממנו אין כשפים נוחין לחול עליו : מטרוניתא . נכרית : אותבן בהדייכו . הושיבוני עמכם בספינה : אמרה מילתא . לחש של מכשפות : אסרתה לארבא . שלא זזה ממקומה : אמרי אינהו מילתא . אף הם היו בקיאין

זאפ גיגעבין אונ ער האט גיזעהן ער קען ניט אויף קלויבען דיא קרושקעס . האט ער גיבריינגט ארידעל אונ האט אויס געריסען די גראז מיט דיא ערד וואס דיא קרושקעס איז אויף זיי גילעגין אונ הט דאס אביין גיווארפען אין טייך ; האט דער מענטש גיהערט וויא דער שר הט גזאגט ווי ווי דער מענטש האט מיך ארויס געטריבען פון זיין שטוב . איך האב גימיינט דער מענטש וועט שוין ווערין אארעם מאן אונ איך וועל ביי איהם וואוהנען . איצט האט ער מיך ארויס געטריבען ווארום ער וועט שוין קיין ארעם מאן ניט זיין :

ג ואמר . נאך האט אביי גזאגט אין אנהייב פלעג איך זאגין דאס וואס מען טרינקט ניט קיין שאם פון משקה . איז ווייל עס איז מיאוס . הט דער רבי מיר גזאגט ווייל דאס שאדט צו די פייכטקייט פון נאז . אז מען טרינקט דיא שאם שאדט צו די פייכטקייט פון נאז . אז מען בלאזט אראפ די שאם שאדט צום קאפ . אז מען שטויסט אוועק דיא שאם מיט דיא האנט שאדט צוא ארעמקייט ; וואס דען זאל מען טאהן מיט דיא שאם מען זאל ווארטען ביז דיא שאם וועט זיך אראפ זעצין אין דיא משקה . אונ עס וועט צו גיין . אונ עס וועט אויך ווערין משקה . אז איינער הט גיטרונקען שאם פון ווין אונ עס האט איהם גישאדט צו די פייכטקייט פון די נאז . איז ארפואה ער זאל טרינקען ביר . אונ אז ער האט גיטרונקען שאם פון ביר אונ עס האט איהם גישאדט צו די פייכטקייט פון די נאז . איז ארפואה ער זאל טרינקען וואסער . אונ אז ער האט גיטרונקען שאם פון וואסער אונ עס האט איהם גישאדט צו די פייכטקייט פון דיא נאז . צו איהם איז ניטא קיין הילף . דאס איז וואס מענטשין זאגען נאך דעם ארעם מאן גייט דיא ארעמקייט . ווייל ער איז אארעם מאן אונ האט ניט גיהאט ווס צו טרינקען נאר וואסער . דריבער איז ניטא קיין היקף צו היילען די פייכטקייט פון זיין נאז . נאך האט אביי גזאגט אין אנהייב פלעג איך זאגען דאס ווס מען עסט ניט די גרינוואורג ולמשל מערין רעטאך אונ נאך אזעלכע זאכען פון דעם בינטול וואס דער גערטנער הט צו זאמען גיבונדען . ווייל מען זעהט אוים וויא אפרעסער ובאר פריער בינט מען אויף דאס בינטול דער נאך עסט מען ; הט מיר דער רבי גזאגט אז מען עסט פון דעם פאר בונדענעם בינטול שאדט צו כשוף . רב חסדא אונ רבה בר רב הונא זענען אמאהל גיפארען אין אשיף . האט אגויה גזאגט צו זיי איך וויל אויך פארען אין דיא שיף מיט אייך . האבען זייא ניט גיוואלט . האט די גויה גזאגט עטליכע ווערטער פון כשוף איז די שיף צו גיבונדען גיווארין אונ האט ניט גיקענט אוועק גיין פון ארט . האבען זיי גזאגט עטליכע הייליגע ווערטער איז די שיף אויף גיבונדען גיווארין . האט דיא גויה גזאגט צו רבה אונ רב חסדא וואס זאל איך טאהן . אייך קען ניט שאדין קיין

מאי אעביד לכו דלא מקנה לכו בחספא ולא קטיל לכו בינה אמנייכו ולא אכיל לכו ירקא מכישא דאסר גינאה. ואמר אביי מריש הוה אמינא האי דלא אכלי ירקא דנפל מתכא משום מאיסותא אמר לי מר משום דקשה לריח הפה :

ד **ואמר** אביי מריש הוה אמינא האי דלא יתבי תותי מרזיבא משום שופכים אמר לי מר משום דשכיחי מזיקין. הנהו שקולאי דהוו דרו חביתא דחמרא בעו לאיתפוחי אותבוה תותי מרזיבא פקעה אתו לקמיה דמר בר רב אשי אפיק שיפורי שמתיה אתא לקמיה א"ל אמאי תעביד הכי א"ל היכי אעביד כי אותביה באונאי א"ל את בדוכתא דשכיחי רבים מאי בעית את הוא דשנית זיל שלים א"ל השתא נטי ליקבע לי מר זימנא ואפרע קבע ליה זימנא כי מטא זימניה איעכב כי אתא א"ל אמאי לא אתית בזימנך א"ל כל מילי דצייר וחתים וכייל ומני לית לן רשותא למשקל מיניה עד דמשכחינא מידי דהפקרא. ואמר אביי מריש הוה אמינא האי דשדו מיא מפומא דחצבא משום ציבתא אמר לי מר משום דאיכא מיא הרעים. ההוא

בדבר ושוטין להא"ל עומן מיד המכשפות ולהכא דאמרי שאמרו שם ולא מוכחא מילתא : מאי אעביד לכו. שאין מכשפות שולטות בכם שאתם נשמרים מכל דבר הקשה לכן : דלא מקנה לכו. אין אתם מקנחין עצמכם בחרס בבית הכסא ואין אתם הורגים כינה במלבושכם :

מרזיבא. צנור המקלח מים מן הגג: שופכין. שמא ירדו עליו מים מאוסין המקלחים מתשמיש המשתמשין על הגג ושופכין מי תשמישם והן באין לצנור : שקולאי. נושא משאות בשכר: פקעה. שנברה המזיק : שמתיה. למזיק : דאותביה באונאי. הושיבוה באזני שהייתי ישן שם : דצייר וחתים

כִּישׁוּף. וָוארוּם אַז אִיר זֶענְט אִין בֵּית הַכִּסֵא ווִישְׁט אִיר אַייךְ נִיט אָפּ מִיט אַשַארְבִּין. אוּנ אִיר הַרְגֶת נִיט קֵיין לֵאיז אוֹיף אַייֶערֶע קְלֵיידֶער. אוּנ אִיר עֶסְט נִיט קֵיין גְרִינְוַוארְג פוּן דֶעם בִּינְטֶעל וָואס דֶער גֶערְטְנֶער הָאט פַאר בּוּנְדֶען. נָאךְ הָאט אַבַּיֵי גְזָאגְט אִין אָנְהֵייבּ פְלֶעג אִיךְ זָאגֶען דָס וָואס אִיךְ עֶס נִיט דִיא גְרִינְוַוארְג וָואס פַאלְט אַרָאפּ פוּן טִישׁ אוֹיף דִיא עֶרְד. וַוייל עֶס אִיז מִיאוּס גִיוָוארִין ; הָט דֶער רֶבִּי מִיר גְזָאגְט וַוייל מֶען בֶּעקוּמְט אַשְׁלֶעכְטִין רֵיחַ פוּן מוֹיל :

ד וְאָמַר. נָאךְ הָט אַבַּיֵי גְזָאגְט אִין אָנְהֵייבּ פְלֶעג אִיךְ זָאגֶען דָאס וָואס מֶען זִיצְט נִיט אוּנְטֶער אַרִינֶע פוּן דַאךְ. וַוייל טָאמֶער וֶועט אַרָאפּ רִינֶען וַואסֶער פוּן דַאךְ דוּרְךְ דֶער רִינֶע אוֹיף דֶעם מֶענְטְשִׁין. הָאט דֶער רֶבִּי מִיר גְזָאגְט וַוייל דָארְט זִיצֶען שֵׁדִים ; טְרֶעגֶערְס הָאבֶּען אַמָאהל גִיטְרָאגֶען אַפַאס וַויין. הָאבֶּען זַייא גִיוָואלְט אָפּ רוּהֶען. הָאבֶּען זַייא גִישְׁטֶעלְט דִי פַאס אוּנְטֶער אַרִינֶע. אִיז דִיא פַאס צוּ בְּרָאכֶען גִיוָוארִין. דֶער שֵׁד הָט צוּ בְּרָאכֶען דִי פַאס. זֶענֶען דִיא טְרֶעגֶערְס גִיקוּמֶען פַאר מַר בַּר רַב אַשִׁי. הָט מַר בַּר רַב אַשִׁי גִיבְּלָאזֶען שׁוֹפָר אוּנ הָאט מַחֲרִים גִיוֶוען דֶעם שֵׁד. אִיז דֶער שֵׁד גִיקוּמֶען פַאר מַר בַּר רַב אַשִׁי. הָאט מַר גְזָאגְט צוּם שֵׁד פַאר וָואס הָאסְטוּ צוּ בְּרָאכֶען דִי פַאס וַויין. הָאט דֶער שֵׁד גְזָאגְט וִויא דֶען הָאבּ אִיךְ גִיזָאלְט טָאהן אִיךְ בִּין גִישְׁלָאפֶען אוּנְטֶער דֶער רִינֶע הָאבֶּען זֵיי גִישְׁטֶעלְט דִי פַאס אוֹיף מַיין אוֹיעֶר. הָאט מַר גְזָאגְט צוּם שֵׁד וִויא קוּמְסְטוּ צוּ זַיין אוֹיף אַזוֹי אַאָרְט וָואס דָארְט גֵייֶען פִיל מֶענְטְשִׁין ; הָאסְטוּ גִיטָאהן נִיט וִויא דַיין דִין אִיז. גֵיי בַּצָאהל. הָאט דֶער שֵׁד גְזָאגְט זָאל דֶער רֶבִּי מִיר אוֹיס זֶעצִין אַצַייט. וֶוען אִיךְ זָאל בַּצָאהֶלֶען. וֶועל אִיךְ בַּצָאהֶלֶען. הָט מַר אִיהם אוֹיס גִיזֶעצְט אַצַייט צוּם בַּצָאהֶלֶען. דִיא צַייט אִיז גִיקוּמֶען אוּנ דֶער שֵׁד אִיז נִיט גִיקוּמֶען. דֶער נָאךְ אִין עֶטְלִיכֶע טֶעג שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער שֵׁד גִיקוּמֶען בַּצָאהֶלֶען פַאר דִי פַאס. הָאט מַר גְזָאגְט צוּם שֵׁד פַר וָואס בִּיסְטוּ נִיט גִיקוּמֶען צוּ דֶער צַייט. הָאט דֶער שֵׁד גְזָאגְט אַלֶע זַאכֶען וָואס זֶענֶען פַאר בּוּנְדֶען אָדֶער פַאר חַתְמֶת אָדֶער גִימָאסְטֶען אָדֶער גִיצֵיילְט טָארִין מִיר פוּן דִיא זַאכֶען נִיט נֶעמֶען. הָאבּ אִיךְ גִימוּזְט וַוארְטֶען בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעפוּנֶען גֶעלְט וָוס הָאבֶּען נִיט קֵיין בַּעַל הַבַּיִת. אוּנ הָאבּ זַייא גִיבְּרֵיינְגְט. נָאךְ הָט אַבַּיֵי גְזָאגְט אִין אָנְהֵייבּ פְלֶעג אִיךְ זָאגֶען דָאס וָואס מֶען גִיסְט אָפּ אַבִּיסוּל וַואסֶער פוּן קְרוּג אֵיידֶער מֶען טְרִינְקְט. וַוייל פוּן הוֹיבֶּען אוֹיף דִיא וַואסֶער שְׁווִימְט אַרוּם שְׁטִיקְלַאךְ הָאלְץ אָדֶער שְׁטְרוֹיא. הָאט דֶער רַבִּי מִיר גְזָאגְט וַוייל מִיר הָאבֶּען מוֹרָא טָאמֶער הָאט אַשֵׁד גִיטְרוּנְקֶען פוּן דִיא וַואסֶער. זָאל מֶען אָפּ גִיסֶען דִיא שְׁלֶעכְטֶע וַואסֶער פוּן

ההוא בי שידא דהיה בי רב פפא אזל לאתויי מיא מנהרא איעכב כי אתא אמרו ליה אמאי איעכבת אמר להו עד דחלפי מים הרעים אדהכי (דף קו) חזנהו דקא שדי מיא מפומא דחצבא א״ל אי הוה ידענא דרגיליתו למעבד הכי לא איעכבי :

הכי אתא רב דימי אמר מים הראשונים האכילו בשר חזיר אחרונים הוציאו את האשה מבעלה כי אתא רבין אמר ראשונים האכילו בשר נבלה אחרונים הרגו את הנפש. אר״נ בר יצחק וסימנך אתא רב דימי אפקה אתא רבין קטלה ר׳ אבא מתני חדא מהני וחדא מהני לחומרא :

(דף קז ע״ב) **ואבוה** דשמואל אשכחיה לשמואל דקא בכי א״ל אמאי קא בכית דמחיין רבאי אמאי דאמר לי קא ספית לבראי ולא משית ידך ואמאי לא משית א״ל הוא אכיל ואנא משינא א״ל לא מסתייה

וכו׳. נאחד מכל אלו אין לנו רבות: דכדו מיא. השותה בכד שופך התחלה מן המים לארץ: משום ליבתא. קסמין וקשין שעל פני המים: מים רעים. פעמים ששתה מהם עד זו תקנתם: דהוה בי רב פפא; שהיה משמשו: עד דחלפי מים הרעים. ששתו המזיקין מהן :

ד אמר . רבי חנינא האט גזאגט איך האב גיפרעגט ביא רבי אליעזר ווען ער איז גיזעסען אין דעם גרויסען בית המדרש . פאר וואס דער ערשט גי בארענער איזיל איז הייליג אונ דער ערשט גיבארענער פערד אדער קעמל איז ניט הייליג . האט רבי אליעזר גזאגט גאט האט אזוי גיהייסען . אונ נאך אטעם קען מען זאגען ווייל דיא אייזלען האבען גיהאלפען דיא יודען ווען זייא זענען ארויס גיגאנגען פון מצרים . ווארום עס איז ניט גיוועזען איין יוד וואס זאל ניט האבען ניינציג אייזלען פון לוב (דאס זענען דיא בעסטע אייזלען) וואס זענען גיוועזען בלאדען מיט זילבער אונ גאלד וואס דיא יודען האבען גירויבט אין מצרים . דריבער האבען דיא אייזלען זוכה גיוועזען אז זייערע ערשט גיבארענע קינדער זאלען זיין הייליג . נאך האב איך גיפרעגט ביי רבי אליעזר וואס איז דער טייטש רפידים . האט רבי אליעזר גזאגט דער נאמען פון דעם ארט האט גיהייסען רפידים . זאגט דיא גמרא אין דעם קריגען תנאים . רבי אליעזר זאגט רפידים איז דער נאמען פון דעם ארט . רבי יהושע זאגט דער ווארט רפידים מאכט שריפו עצמן מדברי תורה . דיא יודען האבען זיך אפ גילאזין פון דער תורה . זייא האבין ניט גילערנט דיא תורה . דריבער איז גיקומען אויף זייא עמלק . אונ אזוי שטייט אין פסוק עס וועלין זיך ניט קערין דיא פאטערס צוא דיא קינדער מרפיון ידים . ווייל דיא קינדער וועלין אפ לאזין דיא הענט פון דיא תורה . נאך האב איך גיפרעגט ביי רבי אליעזר וואס איז דער טייטש שטים . האט רבי אליעזר גזאגט דער נאמען פון דעם ארט האט גיהייסען שטים . רבי יהושע זאגט שטים איז דער טייטש נארעשקייט . דיא יודען האבען זיך בשעפטיגט מיט נארעשקייט צוא מזנה זיין מיט די טעכטער פון מואב . עס שטייט אין פסוק ותקראן לעם לזבחי אלהיהן . רבי אליעזר זאגט ותקראן איז דער טייטש טרעפין . דיא טעכטער פון מואב זענען גיקומען נאקעט געגין דיא יודען אונ זייא האבען גיטראפען איין גוף צום אנדערין גוף . רבי יהושע זאגט אלע יודען וויא זייא האבען גיזעהן די טעכטער פון מואב איז פון זיי ארויס גיגאנגען שכבת זרע :

ה תנו רבנן . די רבנן האבען גילערנט די פיש וואס מען טאר זיי ניט עסין ווערט פון זייא גיבארין קליינע פיש . אונ דיא פיש וואס מען מעג זייא עסין ווערט פון זיי גיבארין

בצים מלקט חוץ מעטלף שאע"פ שמטיל ביצים מניק (דף ה) הדולפנין פרים ורבים מבני אדם מאי הדולפנין א"ר יהודה בני ימא ׳ כל שזכרותו בחוץ מוליד מבפנים מטיל ביצים כל שתשמישו ביום יוליד ביום כל שתשמישו בלילה יוליד בלילה כל שתשמישו בין ביום בין בלילה מוליד בין ביום בין בלילה. תשמישו ביום יוליד ביום תרנגול. בלילה עטלף. בין ביום בין בלילה אדם וכל דדמי ליה. כל שתשמישן ועבורן שוה יולדין ומגדלין זה מזה (אין תשמישן ועיבורן שוה אין יולדין ומגדלין זה מזה). הכל משמשין פנים כנגד עורף חוץ מאדם ודג ונחש מ"ש הני תלתא כי אתא רב דימי אמר אמרי במערבא הואיל ודברה עמהם שכינה. תנא גמל אחור כנגד אחור:

ת"ר

מלקט פירורים ומפרנס את בניו: עטלף. בלע"ז שורי"ץ דומה לעכבר ויש לו כנפים: כ"ז הדולפנין פרין ורבין מבני אדם. שאם בא אדם עליהם מתעברים סימנו: בני ימא. דגים יש בים שחציין צורת אדם והחציין צורת דג ובלע"ז סירינ"א: כל שזכרותו. הגיד: מוליד. עובר ממש: מטילה. הנקבה ביצים: כל שתשמישן ועיבורן שוה. כגון כבש ועז שניהם משמשים פנים כנגד עורף וימי עיבורן שוה שבשניהם הולד בבטן ה' חדשים: יולדין. אם בא אחד על מין חברו: ומגדלין: מניקין: עמהם שכינה. ויאמר ה' לדג:

אֵייֶער ׃ אוּנ פוּן דִי אֵייֶער וֶוערִין קְלֵיינֶע פִישׁ. אַלֶע לֶעבֶּעדִיגֶע זַאכִין וָואס גִיבֶּארִין קִינְדֶער. הָאבֶּען זֵיי בְּרִיסְט צוּ גֶעבִּין זֵייגֶען דִי קִינְדֶער. אוּנ דִי וָואס גִיבֶּארִין אֵייֶער אוּנ פוּן דִי אֵייֶער וֶוערִין דִי קִינְדֶער. דִי קִינְדֶער זֵייגֶען נִיט. נָאר דִי מוּטֶערס קְלוֹיבֶּען שְׁפַּייז אוּנ לֵייגִין אַרַיין דִי שְׁפַּייז צוּ דִי קִינְדֶער אִין מוֹיל. נָאר דִי פְלֶעדֶער מַייז אֲפִילוּ זִיא גִיבֶּארְט אֵייֶער אוּנ פוּן דִיא אֵייֶער וֶוערִין דִי קִינְדֶער. פוּן דֶעסְטְוֶועגִין הָאט זִיא בְּרִיסְט אוּנ דִי קִינְדֶער זֵייגֶען בַּיי אִיהר. דִי דוּלְפָנִין הָאבֶּען קִינְדֶער פוּן מֶענְטְשִׁין. וָוס אִיז דוּלְפָנִין. רַב יְהוּדָה זָאגְט דָס אִיז אַיַם מֶענְטְשׁ. אִין יַם אִיז דָא אַזוֹי אַבַּשֶׁעפֶענִישׁ וָואס עֶר אִיז הַאלְבּ מֶענְטְשׁ אוּנ הַאלְבּ פִישׁ. אַז אַמֶענְטְשׁ אִיז מְזַנֶה מִיט דֶעם דוּלְפָן. וֶוערְט זִיא מְעוּבֶּרֶת אוּנ הָאט קִינְדֶער פוּן אִיהם. דֶער זָכָר וָואס דֶער גְלִיד זַיינֶער אִיז אוֹיסְוֶוייניג אַזוֹי וְויא בַּיי אַמֶענְטְשׁ. אַז עֶר בַּהֶעפְט זִיךְ מִיט זַיין נְקֵבָה. גִיבֶּארְט דִי נְקֵבָה אַקִינְד. אוּנ דֶער זָכָר וָואס דֶער גְלִיד זַיינֶער אִיז אִינְוֶוייניג. אַז עֶר בַּהֶעפְט זִיךְ מִיט זַיין נְקֵבָה. גִיבֶּארְט זִיא נָאר אֵייֶער. דֶער זָכָר וָואס בַּהֶעפְט זִיךְ צוּ זַיין נְקֵבָה נָאר בַּיי טָאג. גִיבֶּארְט זִיא בַּיי טָאג. אוּנ דֶער זָכָר וָואס בַּהֶעפְט זִיךְ צוּ זַיין נְקֵבָה נָאר בַּייא נַאכְט. גִיבֶּארְט זִי נָאר בַּיי נַאכְט ׃ אוּנ דֶער זָכָר וָואס בַּהֶעפְט זִיךְ צוּ זַיין נְקֵבָה אַמָאהל בַּיי טָאג אוּנ אַמָאהל בַּיי נַאכְט. גִיבֶּארְט זִיא אַמָאהל בַּיי טָאג אוּנ אַמָאהל בַּיי נַאכְט. וֶועלכֶער זָכָר בַּהֶעפְט זִיךְ צוּ זַיין נְקֵבָה נָאר בַּיי טָאג. דָאס אִיז אַהָאן ׃ אוּנ וֶועלכֶער זָכָר בַּהֶעפְט זִיךְ צוּ זַיין נְקֵבָה נָאר בַּייא נַאכְט. דָאס אִיז אַפְלֶעדֶער מַייז. אוּנ וֶועלכֶער זָכָר בַּהֶעפְט זִיךְ בַּיי טָאג אוּנ בַּיי נַאכְט. דָאס אִיז אַמֶענְטְשׁ אוּנ נָאךְ זֶענֶען דָא אַזֶעלכֶע. דִי אַלֶע בַּשֶׁעפֶענִישׁ (וָואס דֶער בַּהֶעפְטוּנְג צוּ זַייעֶרֶע נְקֵבוֹת זֶענֶען גְלַייךְ וּלְמָשָׁל אַז זַייא בַּהֶעפְטִין זִיךְ צוּ זַייעֶרֶע נְקֵבוֹת אִיז דֶער פָּנִים פוּן דֶעם זָכָר אוֹיף דֶעם רוּקֶען פוּן דִי נְקֵבָה) אוּנ זַייא טְרָאגֶען זַייעֶרֶע קִינְדֶער אוֹיךְ גְלַייךְ וּלְמָשָׁל אַשֶׁעפְּס מִיט אֵיין קָאזֶע. דֶער שֶׁעפְּס אִיז מְעוּבֶּרֶת פִינְף חֳדָשִׁים ׃ אוּנ אַקָאזֶע אִיז אוֹיךְ מְעוּבֶּרֶת פִינְף חֳדָשִׁים) . אוֹיבּ אַשֶׁעפְּס אַזָכָר הָאט זִיךְ בַּהֶעפְט מִיט אַקָאזֶע אַנְקֵבָה. אָדֶער פַאר קֶערְט אַקָאזֶע אַזָכָר הָאט זִיךְ בַּהֶעפְט מִיט אַשֶׁעפְּס אַנְקֵבָה ׃ וֶוערִין דִי נְקֵבוֹת מְעוּבֶּרֶת. אוּנ אַשֶׁעפְּס זֵייגְט פוּן אַקָאזֶע אוּנ אַקָאזֶע זֵייגְט פוּן אַשֶׁעפְּס. אָבֶּער אַז זַייעֶר בַּהֶעפְטוּנְג אִיז נִיט גְלַייךְ. אָדֶער זַייעֶר מְעוּבֶּרֶת זַיין אִיז נִיט גְלַייךְ. קֶען נִיט מְעוּבֶּרֶת וֶוערִין אֵיין מִין פוּן דֶעם אַנְדֶערִין מִין. אוּנ אֵיין מִין זֵייגְט נִיט פוּן אַנְדֶערִין מִין. אַלֶע מִינִים וָואס זֶענֶען דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט. וֶוען זַייא בַּהֶעפְטִין זִיךְ אִיז דֶער פָּנִים פוּן זָכָר אוֹיף דֶעם רוּקֶען פוּן דִיא נְקֵבָה ׃ נָאר אַמֶענְטְשׁ אוּנ אַפִישׁ אוּנ אַשְׁלַאנְג וֶוען זֵיי בַּהֶעפְטִין זִיךְ אִיז דֶער פָּנִים פוּן זָכָר גֶעגִין דֶעם פָּנִים פוּן דִי נְקֵבָה. פַר וָואס נָאר דִי דְרַיי. אַז רַב דִימִי אִיז גִיקוּמֶען הָט עֶר גִיזָאגְט אַז אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאגְט מֶען וַוייל דִי שְׁכִינָה הָאט מִיט זֵיי גִירֶעט (אַז גָאט הָאט גִירֶעט מִיט דֶעם שְׁלַאנְג. שְׁטֵייט אִין דֶער סדרה בראשית. אוּנ אַז גָאט הָאט גִירֶעט מִיט דֶעם פִישׁ. שְׁטֵייט אִין דֶעם ספר יונה) מִיר הָאבֶּען

ו **ת"ר** תרנגולת לכ"א יום וכנגדה באילן לוז, כלב לנ' יום וכנגדו באילן תאנה. חתול לנ"ב יום וכנגדו באילן תות. חזיר לס' יום וכנגדו באילן תפוח. שועל וכל מיני שרצים לששה חדשים וכנגדן באילן תבואה. בהמה דקה טהורה לה' חדשים וכנגדה באילן גפן. בהמה גסה טהורה לט' חדשים וכנגדה באילן זית. בהמה גסה טמאה לי"ב חדשים וכנגדה באילן דקל. הארי והזאב והדוב והנמר והברדלס והפיל והקוף והקיפוף לשלש שנים וכנגדן באילן בנות שוח. אפעה לע' שנה וכנגדו באילן החרוב חרוב זה משעת נטיעתו עד שעת גמר פריו ע' שנה וימי עיבורו ג' שנים. נחש לשבע שנים ולאותו רשע לא מצינו לו חבר. ויש אומרים מוכססין ובנות שבע. מנא הני מילי אמר רב יהודה אמר רב ומטו בה משמיה דר' יהושע בן חנניא אמר

כ"א יום. לאחר שנתעברה מן התרנגול שוהא ביצתה לגמור עד כ"א יום: **לוז.** קודלארא"ן שגדלים בו אגוזים קטנים ומשעת פרחיו עד שעת גמר פריו כ"א יום: **כלב לנ' יום:** נגמרה צורת הולד: **וכנגדו באילן התאנה.** כמ"ד עץ שאכל אדם הראשון חטה היתה קרי לתבואה מין אילן: **דקל.** גדלים בו תמרים: **ברדלס.** אפא: **קיף.** שימי"ו בלעז: **קיפוף.** כעין קוף ויש לו זנב ובלשון אשכנז מערקא"ט: **בנות שוח.** מאני הוורית"א: **אפעה.** מתעבר לאחר ע' שנה שנולד: **וימי עיבורו.** משעת הפרה עד שעת גמר פרי: **מוכססין.** מין בנות שוח ולא בנות שוח ממש: **מס"ת.** דנחש ימי עיבורו ז' שנים: אם מכשמה נתקלל מהיה לא כ"ש. שמחוסה יותר מן החיים שהרי בו ס' חדשים והתול כ"ב יום וכא ליכא

גילערונט ווען קעמלען בהעפטין זיך אזכר מיט אנקבה. שטייען זיי מיט די ווידקען איינער נעבין דעם אנדערין:

ו תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט אז אהון ווערט מעוברת פון אהאן ליגט די איי ביי די הון אין בויך איין אונ צוואנציג טעג ביז זי ווערט פערטיג. אונ דר בוים וואס אויף איהם וואקסט אזעלנע ניס. פון דער צייט וואס דער בוים בליהט. ביז די ניס ווערין צייטיג. דאערט אויך איין אונ צוואנציג טעג. ביי אהונט פון דער צייט וואס דער זכר בהעפט זיך מיט דיא נקבה ביז עס ווערט בשאפען ביי איהר אין בויך אקינד: דאערט פופציג טעג. אונ דער פייגען בוים פון דער צייט וואס דער בוים בליהט ביז די פייגין ווערין צייטיג: דאערט אויך פופציג טעג. אקאץ איז מעוברת צוויי אונ פופציג טעג. אונ דר בוים וואס אויף איהם וואקסן תותים דאערט אויך פון בליהען ביז צייטיג ווערין צוויי אונ פופציג טעג. אחזיר איז מעוברת זעכציג טעג. אונ דער בוים וואס אויף איהם וואקסט עפיל דאערט אויך פון בליהען ביז צייטיג ווערין זעכציג טעג. אפוקס אונ אלע ערליא שרצים זענען מעוברת זעקס חדשים: אונ ביי ווייץ דאערט אויך זעקס חדשים פון ארוים שפראצין ביז צייטיג ווערין. קליינע בהמות וואס מען מעג זייא עסין ושעפסין קאזעס) זענען מעוברת פינף חדשים. אונ ביי דעם ווין שטאק דאערט אויך פינף חדשים פון בליהען ביז צייטיג ווערין. גרויסע בהמות וואס מען מעג זייא עסין זענען מעוברת ניין חדשים. אונ ביי דעם איילבירט בוים דאערט אויך ניין חדשים פון בליהן ביז צייטיג ווערן. גרויסע בהמות וואס מען טאר זייא ניט עסין זענען מעוברת צוועלף חדשים. אונ ביי דעם טייטעל בוים דאערט אויך צוועלף חדשים פון בליהען ביז צייטיג ווערין. אלייב אונ אוואלף אונ אבער אונ אלעמפערט אונ אטיגער אונ אעלפאנד אונ אמאלפא אום אים קאץ דיא אלע זענען מעוברת דריי יאהר. אונ בייא דעם בוים וואס אויף איהם וואקסט ווייסע פייגען דאערט אויך דריי יאהר פון בליהען ביז צייטיג ווערין. דר אפעה אז ער ווערט אלט זיבעציג יאר ווערט ער איצט מעוברת. אונ דער באקסין בוים איז אויך אזוי. פון דער צייט וואס מען פלאנצט דעם באקסין בוים ביז די ערשטע פירי ווערט צייטיג דאערט זיבעציג יאור: אונ פון דעם בליהען ביז צייטיג ווערין דאערט דרייא יאהר. דער שלאנג איז מעוברת זיבען יאהר: אונ צו דעם רשע וצום שלאנגו געפינען מיר ניט קיין גלייכען. אנדערע זאגען דער בוים וואס אויף איהם וואקסט מוכססין אונ בנות שבע דאערט אויך פון בליהען ביז צייטיג ווערין זיבען יאהר. פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז אשלאנג איז מעוברת זיבען יאהר. האט רב יהודה גזאגט פון רבס וועגין. אנדערע זאגין דאס פון רבי יהושע בן חנניהם וועגין עס שטייט אין פסוק נאט האט וזאגט צום שלאנג

אמר קרא (בראשית ג) ארור אתה מכל הבהמה ומכל חית השדה אם מבהמה נתקלל מחית השדה לא כל שכן אלא לומר לך כשם שבהמה נתקללה מחיה אחד לשבעה ומאי ניהו חמור מחתול כך נתקלל .הוא מבהמה אחד לשבעה דהוה ליה ז' שני ואימא כשם שנתקללה חיה מבהמה אחד לג' ומאי ניהו ארי מחמור כך נתקלל הוא מחיה דהוה ליה ט' שנים (ע"ג) מי כתיב מכל החיה ומכל הבהמה מכל הבהמה ומכל החיה כתיב ארור הוא מבהמה שנתקללה מחיה ואימא כשם שנתקללה בהמה מחיה אחד לשלשה ומאי ניהו עז מחתול כך נתקלל הוא מבהמה אחד לג' דהוה ליה חמיסר ירחי אבע"א מכל הבהמה כתיב ואבע"א קללה הוא שדי קללה עילויה:

לאימר דהאי מכל החיה טייני אלא הו אפילו הכי כן לכתוב מכל החיה ולא ליבעי בהמה : אלא . לכתי כתיב תרוייהו : לומר לך וכו'. והכי משמע ארור הוא מכל הבהמה כמה שהיא ארורה יותר מן החיה כשם שהבהמה נתקללה מן החיה על א' שבעה ומאי ניהו חמור מחתול שהבנה יש ז' פעמים נ"ב יום (ואמרינן לעיל דבהמה טמאה גסה כגון חמור י"ב חדש והתול נ"ב יום) כך נתקלל הוא מבהמה כגון מבהמה גסה טמאה אחת לז' דבהמה גסה טמאה י"ב חדש ונחש ז' פעמים י"ב חדש דהיינו אחת לז' והוו שב שני : מי כתיב מכל החיה ומכל הבהמה . דנהרוש מכל החיה דנתקלל יותר מבהמה : מכל הבהמה כתיב . משמע מבהמה המקוללת יותר כך נתקלל ואין לך מקוללת בבהמה גסה יותר מחמור : כך נתקלל הוא מבהמה אחד לשלשה . כגון בהמה דקה שאורה דעיבורה לחמשה חדשים ונקללה זרעו כל המיפר : אבע"א מכל הבהמה . דמשמע מכל הבהמה המקוללת יותר :

ואבע"א. גבי קללה נאמר טילך קללה המורה בהוכל לדרוש מן הפסוק בדי עילויה והכי נמי הילא לאקשויי ואימא כשם שנתקללה בהמה מחיה א' לג' ומאי ניהו רמור מחתול כך נתקלל הוא מחמור א' לג' דהוי לנו ב' פנים אלא אילא לתרוצי קללה שדי עילויה ועוד מכל הבהמה ומכל החיה כתיב דמשמע מתוס בהמה ניתירה קללתה על שום חיה ומינו חמור מקולל מחתול אחד לשבעה :

דוא זאלסט זיין פאר פלוכט מער פון אלע בהמות אונ פון אלע חיות פון פעלד . איז דאך אקשיא אז ער איז פאר פלוכט מער וויא בהמות . איז ער דאך מער וויא חיות געווים פאר פלוכט . ווארום אקאץ וואס זיא איז אחיה איז זיא מעוברת צווייא אונ פופציג טעג . אונ דיא קלענסטע בהמה איז מעוברת פינף חדשים . נאר אזוי מיינט דער פסוק אזוי וויא דיא בהמה איז גיפלוכט גיווארין זיבען מאהל אזוי פיל וויא דיא חיה . ווארום דער אייזיל איז גיפלוכט גיווארין זיבען מאהל אזוי פיל וויא דיא קאץ ווארום דער אייזיל איז מעוברת אאהר אונ די קאץ איז מעוברת צווייא אונ פופציג טעג . אונ אין אאהר איז דא זיבען מאהל צווייא פופציג טעגו . אזוי איז גיפלוכט גיווארין דער שלאנג זיבען מאהל אזוי פיל וויא דיא בהמה . אז דער אייזיל איז מעוברת איין יאהר . איז דער שלאנג מעוברת זיבען יאהר . פרעגט דיא גמרא טאמער מיינט מען אזוי וויא דיא חיה איז גיפלוכט גיווארין גרייא מאהל אזוי פיל וויא דיא בהמה . דס מיינט מען דער לייב איז גיפלוכט גיווארין דרייא מאהל אזוי פיל וויא דער אייזיל . דער אייזיל איז מעוברת איין יאהר . אונ דער לייב איז מעוברת דרייא יאהר . אזוי איז גיפלוכט דער שלאנג דרייא מאהל אזוי פיל וויא דיא חיה . דער לייב איז מעוברת דריי יאהר . אונ דער שלאנג איז מעוברת ניין יאהר . ענטפערט דיא גמרא שטייט דען אין פסוק דער שלאנג זאל זיין גיפלוכט איך זאל טייטשין דיא חיות וועגען מער גיפלוכט ווי די בהמות אונ דר שלאנג זאל זיין מער גיפלוכט וויא דיא חיות : עס שטייט דאך אין פסוק דער שלאנג זאל זיין גיפלוכט מער פון אלע בהמות וואס דיא בהמות וועגען גיפלוכט מער פון אלע חיות . אונ דער אייזיל איז מער גיפלוכט פון אלע בהמות . אונ ער איז מעוברת אאהר : זיבען מאהל אזוי פיל וויא דיא קאץ . אזוי איז מעוברת דער שלאנג זיבען יאהר . זיבען מאהל אזוי פיל וויא דער אייזיל . פרעגט דיא גמרא טאמער מיינט מען אזוי . אזוי וויא דיא בהמה איז גיפלוכט גיווארין דרייא מאהל אזוי פיל ווי דיא חיה . דאס מיינט מען דיא קאזע איז גיפלוכט גיווארין דריי מאהל אזוי פיל וויא די קאץ . ווארום דיא קאץ איז מעוברת צווייא אונ פופציג טעג . אונ דיא קאזע איז מעוברת פינף חדשים . והונדערט מיט פופציג טעגו . אזוי איז גיפלוכט גיווארין דער שלאנג דריי מאהל אזוי פיל וויא די קאזע . דארף דער שלאנג זיין מעוברת כופצעהן חדשים . ענטפערט דיא גמרא אויב דוא ווילסט וועל איך דיר אזוי זאגען . עס שטייט אין פסוק דער שלאנג זאל זיין גיפלוכט מער פון אלע בהמות . מער פון דיא בהמה וואס איז אם מערסטין גיפלוכט . אונ דער אייזיל איז דאך גיפלוכט מער וויא דיא קאזע . דארף דער שלאנג גיפלוכט זיין מער וויא דער אייזיל אונ אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגען דאס איז דאך אפלוכונג וואס גאט האט גיפלוכט דעם שלאנג . וואס הוא קענסט דיא פלוכונג פאר גרעסערין . פאר גרעסער זיא :

ז א"ל קיסר לר' יהושע בן חנניה נחש לכמה מיעבר ומוליד א"ל לשבע שנין והא סבי דבי אתונא ארבעוה ואוליד לתלת הנהו מעוברין הוו מעיקרא ד' שנין והא משמשי שמושי אינהו נמי משמשי כאדם והא חכימין אינון אנן חכימין מנייהו אי חכימת זיל זכינהו ואייתינהו לי א"ל כמה הוו ששים גברי א"ל עביד לי ספינתא דס' בתי וכל ביתא שדי בה ס' ביסתרקי עביד ליה כי מטא להתם על לבי טבחא אשכחיה להוא גברא דקא עביד חיותא א"ל (רישא אית לך) רישך לזבוני א"ל אין אמר ליה בכמה א"ל בפלגא דוזא יהב ליה לסוף (א"ל הב לי רישך יהב ליה חד רישא דחיותא) א"ל אנא רישא דחיותא אמרי לך אנא רישך אמרי לך א"ל אי בעית דאישבקך סגי אחוי לי פתחא דבי אתונא א"ל מיסתפינא דכל דמחוי להו קטלי ליה א"ל דרי כרוכא דקניא וכי מטית להתם זקפיה כמאן

ז נחש. מיעבר ומוליד. כמה שוהה עוברו במעיו: דבי אתונא. מקום: והא משמשי שמושי. אי הוו מיעברי לא הוה משמשי שדרך היה ובהמה לאחר שנתעברה אינה מקבלת זכר: והא חכימי. שהם סבי וילדו לסוף המעשה: זכינהו: נצחם בחכמתך: ביסתרקי. כסאות: כי מטי להתם. לכרך שלהם: עביד חיותא. מנתח בהמה: ואגא רישא דחיותא אמרי לך. בהמים: סגי. לעוד ולך לפני: דרי כריכי דקני. עול חבילה של קנים: וכי מטית התם. כנגד הפתח: זקוף החבילה לארץ:

ז אמר. דער קיסר האט גזאגט צו רבי יהושע בן חנניה וויא לאנג איז אשלאנג מעוברת ביז ויא גיבארט דאס קינד. האט רבי יהושע גזאגט זיבען יאהר: האט דער קיסר גיזאגט צוא רבי יהושע דיא אלטע לייט פון דיא שטאט אתונא האבען צו זאמען גיפארט צוויי שלאנגען אזכר מיט אנקבה אונ אין דרייא יאהר האט דיא נקבה גיבארען. זעהן מיר דאך אז זיא איז נאר מעוברת גיוועזען דרייא יאהר. האט רבי יהושע גזאגט דער שלאנג איז שוין גיוועזען מעוברה פון פיר יאהר פריער. אונ איצט דריי יאהר. איז זיבען יאהר. האט דער קיסר גזאגט אז דער שלאנג וואלט גיוועזען מעוברת. וואלט ער זיך דאך ניט בהעפט מיט דעם זכר. ווארום אלע חיות אונ בהמות וויא זייא ווערין נאר מעוברת בהעפטין זייא זיך שוין ניט מיט דעם זכר. האט רבי יהושע גזאגט שלאנגען בהעפטין זיך דיא נקבות מיט דיא זכרים אפילו זייא זענען מעוברת. אזוי וויא מענטשין. האט דער קיסר גזאגט דיא אלטע לייט פון אתונא זענען דאך אבער קלוג. אז זייא זאגען דיא שלאנג איז מעוברת נאר דרייא יאהר: געוויס איז אזוי אמת. הט רבי יהושע גזאגט מיר זענען קליגער פון זייא. האט דער קיסר גזאגט צוא רבי יהושע אויב דוא ביסט קליגער פון זייא גיי געם זייא איין אונ ברייננ זייא צו מיר. האט רבי יהושע גזאגט צום קיסר וויא פיל מענטשין זענען זייא. האט דער קיסר גזאגט זייא זענען זעכציג מענטשין. האט רבי יהושע גזאגט צום קיסר מאך פון מיינעט וועגין אשיף וואס אין איר זאל זיין זעכציג שטובען. אונ אין יעדער שטוב זאל זיין זעכציג שטוהלען. האט מען גימאכט אזוי אשיף. אונ רבי יהושע האט זיך אריין גיזעצט אין דיא שיף אונ איז גיפארען ביז צוא דיא שטאט אתונא. וויא ער איז געקומען אין די שטאט אתונא איז ער אריין גיגאנגען צו אקצב וואס פאר קויפט פלייש. הט רבי יהושע גיטראפען וויא דער קצב צוא שניידט אבהמה. האט רבי יהושע גזאגט צום קצב דיין קאפ איז צו פאר קויפען. האט דער קצב גזאגט יא. האט רבי יהושע גזאגט צום קצב פר וויא פיל וועסטו זיא פאר קויפען. האט דער קצב גזאגט פאר אהאלבען גילדען. הט רבי יהושע גיגעבען צום קצב אהאלבען גילדען. דער נאך זאגט רבי יהושע צום קצב גיב מיר דיין קאפ. האט דער קצב גיגעבען צו רבי יהושע אקאפ פון אבהמה. הט רבי יהושע גזאגט צום קצב האב איך דען דיר גזאגט דוא זאלסט מיר געבין אקאפ פון אבהמה. איך האב דאך צו דיר גזאגט דוא זאלסט מיר פאר קויפען דיין קאפ. האט רבי יהושע גזאגט צום קצב אויב דוא ווילסט איך זאל דיך אפ לאזין. גיי וייז מיר דיא טיר וואו מען גייט אריין צו די אלטע לייט פון אתונא. האט דער קצב גזאגט איך האב מורא צו ווייזען. ווארום דער וואס ווייזט וואו זייא וואוהנען הרגנן זייא איהם. האט רבי יהושע גזאגט צום קצב טראג אויף דיר אבינטעל שטעקלאך אונ גיי פאר אוים אונ איך וועל גיין אינטער דיר אונ אז דוא וועסט קומען געגין זייער טיר זאלסטו

כמאן דקא מתפח אזל אשכח דרבנאי מגואי ודרבנאי מבראי דאי חזו כרעא דעיילי קטלי להו לבראי ודנפקא קטלי להו לגואי אפכיה לסנדליה קטלי להו לגואי אפכיה לסנדליה קטלינהו לכולהו אזל אשכח ינוקי מלעיל וסבי מתתאי אמר אי יהיבנא שלמא להני קטלי לי (הני סברי אנן עדיפנן דיתבינן לעיל ואינהו לתחת אי יהיבנא להני קטלי לי) הני סברי אנן עדיפנן דאנן קשישי ואינהו דרדקי אמר להו שלמא לכו אמרו ליה מאי עבידתיך אמר להו חכימאי דיהודאי אנא ואתאי למיגמר חכמה מנייכו אמרי ליה אי הכי ניבעי (מינך מלתא) לך אמר להו

כמאן דמתפח. כאדם שעומד לפוש: אזל. רבי יהושע: אשכח דרבנאי. אורגים: מגואי. שלא יניחו אחד ליכנס: מאבראי. שלא יצא אחד מהזקנים לחוץ: וכי חזו. הנך שבי: כרעא דעיילי קטלי לבראי. שהיה אסקופת החדר עבה ונהפכין סובין או אפר עליה וניכרות בה פסיעות אדם וכי חזו כרעא דעיילי קטלי לשומרים בראי שהניחו לבא וכי חזו כרעא דנפקא קטלי לגואי שהניחו לצאת והשומרים לא היו הורגים שום אדם אא"כ נכנס כולו לפנים על כרחן או אדם יוצא כולו לחוץ: אפכיה. ר' יהושע לסנדליה ועומד על האסקופה ונראית פסיעה אחת נכנס ופסיעה אחת יוצאה ודחפוהו השומרים ויצא וכסבורי הזקנים וראו כן ודמו שעני בני אדם הן אחד נכנס ואחד יוצא וקטלינהו לכולהו השומרים ואחר כך נכנס ר' יהושע: וינוקי מלעיל. בעליה לברע נתכוונו שהנותן שלום לעליונים תחלה הורגין אותו התחתונים ואמרו אנו הזקנים ולא היה לך ליתן שלום לבחורים תחלה והנותן שלום לזקנים הורגין אותו הבחורים ואומרים הלא לאיתנו חשובים מהם שאנחנו למעלה והם למטה: מאי עבידתיך. מאי בעית הכא: אי הכי

שטעלין דאס בינטול שטעקלאך אויף דיא ערד אזוי וויא איינער וואס שטעלט זיך אפ רוהען. ועל איך שוין וויסען וואו זייא וואוהנען. דער נאך וועסטו גיין צוריק אהיים מיט די שטעקלאך. האט דער קצב אזוי גיטאהן. איז רבי יהושע גיגאנגען צו זייער טיר אריין צו גיין. האט ער גיטראפען מענטשין שטייען אינוויינינג נעביז דיא טיר אונ לאזין קיינעם ניט אריין גיין פון דיא גאס אונ מענטשין שטייען אויס וויינינג נעבין דיא טיר אונ לאזין קיינעם ניט ארויס גיין פון אינוויינינג. קיינער פון דיא אלטע לייט האט ניט גיטארט ארויס גיין. אונ אויף דיא שוועל וואו מען גייט אריין איז גיוועזען גישאטען אש אונ מען האט אויף די אש דער קענט יעדער מענטשינס טריט אויב איינער איז ארויס גיגאנגען אדער אריין גיגאנגען. אז זייא האבען גיזעהן אויף דיא אש טריט מען איז אריין גיגאנגען. האבען דיא אלטע לייט גיהרגת דיא היטערס פון אויס וויינינג. פאר וואס זייא האבען גילאזט אריין גיין. אונ אז זייא האבען גיזעהן אויף די אש טריט מען איז ארויס גיגאנגען האבען דיא אלטע לייט גיהרגת דיא היטערס פון אינוויינינג פאר וואס זייא האבען גילאזט ארויס גיין. האט רבי יהושע פאר דרייט זיינע שיך דעם פארינט אויף אינטען. אונ האט זיך גישטעלט אויף דיא שוועל. האבען איהר די אינוויינינגסטע היטערס ניט אריין גילאזט. איז ער אראפ פון דיא שוועל, ווייל דיא שיך זענען גיוועזן פאר דרייט: האבען דיא טריט אויס גיזעהן וויא מען איז ארויס גיגאנגען פון אינוויינינג. האבען דיא אלטע לייט גיהרגת דיא אינוויינינגסטע היטערס. אונ מען האט צוריק גלייך געמאכט דיא אש. דער נאך האט רבי יהושע אויס גיגלייכט דיא שיך אונ האט זיך נאך אמאהל גישטעלט אויף דיא שוועל. האבען דיא אלטע לייט געמיינט אז איינער איז אריין גיגאנגען. האבען זייא גיהרגת דיא אויס וויינינגסטע היטערס. וויא רבי יהושע האט גיזעהן אז דיא היטערס זענען שוין ניטא איז ער אריין גיגאנגען אינוויינינג. האט ער גיטראפען הויבען זיצען יונגע מענטשין אונ אונטען זיצען אלטע מענטשין. האט רבי יהושע גזאגט וויא זאל איך טאהן. וויא אזוי גיט מען זייא שלום. איך זאל פריער געבין שלום צו די יונגע ווייל זייא זיצען הויבען. וועלען מיך דיא אלטע הרגנן. זייא וועלען זאגען מיר זענען אלטע מענטשין וויא אזוי גיסטו שלום צוא דיא יונגע פריער. איך זאל פריער געבין שלום צוא דיא אלטע וועלען מיך דיא יונגע הרגנן. זייא וועלען זאגען אז מיר זיצען הויבען אונ דיא אלטע זיצען אונטען. געוויס זענען מיר גרעסערע חכמים פאר זייא. פאר וואס האכטו זייא גיגעבן פריער שלום. האט רבי יהושע גזאגט צוא זייא שלום צו אייך אלע. האבען זייא גזאגט צו רבי יהושע וואס טוהסטו דא. האט רבי יהושע צוא זייא גזאגט איך בין איינער פון דיא קלוגע יודען. אונ איך בין געקומען לערנען פון אייך חכמה. האבען זייא גזאגט צוא רבי יהושע אויב עס איז אזוי וועלען מיר פרעגין פון דיר אזאך. האט רבי יהושע צו זייא גזאגט גוט. אויב

להו לחיי אי זכיתו לי כל דבעיתו עבידו בי ואי זכינא לכו אכלו (נהמא) גבאי דידי בספינתא אמרי ליה האי גברא דאזיל בעי איתתא ולא יהבי ליה מאי חזי דאזיל להיכא דמדלי מינה שקל סיכתא דצה להתאי לא עאל דלי דצה לעיל עאל אמר האי נמי מתרמיא ליה בת מזליה. גברא דאוזיף וטריף מאי הוי דהדר אוזיף אמר להו (זיל) גברא [אזל] לאגמא קטיל קמא טונא ולא מצי ביה קטל ומנח עליה עד דמתרמי ליה אינשי דמדלי ליה אמרו ליה אימא לן מילי דכדיבי אמר להו הוה לן כודנייתא וילדה והוי תלי ליה פיתקא וכתיב ביה דמסיק בבי אבא מאה אלפא זוזי אמרו ליה וכודנייתא מי ילדה אמר להו הי נינהו מילי דכדיבי. מילתא

סכי. דהכימת ליבעי אגן מינך: אי זכיתו לי. אם תנצחוני: דמידלי מינה. שמיוחסת מראשונה ובואל אותה כלא יש לו ללמוד הואיל ולא נתנו לו ראשונה כל בכן זו: סיכתא. קניל"א: דצה לתתאי. השפיל ידו ונעצה בכותל במקום שאין חור ולא עאל: דלי דצה. הגביה ידו ונעצה במקום נקב ועאל: דאוזיף וטריף. שהלוה מעות לחברו ולא נפרע ממנו כי אם בקושי בטרף לקוחות: מאי הזי דהדר אוזיף. לאחריני ולא נהיכר מן הראשון: לאגמא. יער: קטיל קמא טונא. חותך הבילם ראשונה ולא מצי ביה להרימו על שכמו: הדר קטיל ומנח עליה. הואיל וצריך ביוע לאחרים עד דמתרמי איכא ומדלי ליה והאי נמי הואיל והפסיד באמנה ראשונה חוזר ומאמין לאחרים עד שמזדווג לו אדם נאמן ומשתכר בו: מילי דכדיבי. דברי רוח. ל"א דכזיב דבר כזב: כודנתא. פרדה: תלי פיתקא. שטר בצוארו של הולד: פי נ״ה

איר וועט מיך בייקומען וואס איר וועט וועלען זאלט איר טאהן מיט מיר. אונ אויב איך וועל איך בייקומען זאלט איר עסין ביי מיר אין מיין שיף. האבען זיי געזאגט צו רבי יהושע אמענטש האט געוואלט נעמען אווייב. האט מען זיא איהם ניט געוואלט געבען ווייל זיא איז מער יחוסן פאר איהם. פר וואס איז ער געגאנגען זוכען נאך אגרעסערע יחסנטע. מען וועט דאך איהם די אנדערע געוויס ניט געבען. האט רבי יהושע גענומען אטשוואק אונ האט געוואלט אריין שלאגען אין דיא וואנט אונטען. איז דער טשוואק ניט אריין געגאנגען. האט ער גענומען דעם טשוואק אונ האט איהם אריין געשלאגען אין דיא זעלביגע וואנט הויבען איז ער יא אריין געגאנגען. דער מענטש האט אויך געטראכט טאמער האט מען מיר ניט געגעבען יענע ווייב ווייל זיא איז ניט מיין בשערטע. אבער ניט דורך איר יחוס. דריבער גייא איך זוכען מיין בשערטע. אונ וועלכע עס איז מיין בשערטע. וועט זיא מיך וועלין פאר אמאן אפילו זיא וועט זיין די גרעסטע יחסנטע:

נאך אזאך האבען די אלטע לייט געפרעגט בייא רבי יהושע. אז איינער האט פאר בארגט געלט צוא זיין חבר. אונ דער חבר האט ניט בצאהלט. נאר מען האט אפ גענומען פון זיינע פעלדער וואס ער האט פאר קויפט. וויא אזוי פאר בארגט דער מענטש צו דעם חבר נאך אמאהל געלט. נאך מער וויא פריער. האט רבי יהושע צוא זייא געזאגט אמענטש איז געגאנגען אין וואלד אונ האט גיהאקט האלץ אונ האט געמאכט אבינטול. אונ ער הט געוואלט דאס בינטול אויף הייבען. האט ער ניט געקענט. האט ער גיהאקט נאך האלץ אונ האט דם בינטול פאר גרעסערט. ווארום ער האט גיטראכט איך מוז דאך ווארטען ביז איינער וועט קומען אונ וועט מיר העלפען אויף הייבען. אז דיא בינטול וועט זיין גרעסער וועט מיר אויך דער חבר קענען העלפען אויף הייבען. אונ ער האט טאקי געווארט ביז זיין חבר איז געקומען אונ האט איהם גיהאלפען אויף הייבען. דא ביי דעם געלט איז אויך אזוי: ער פאר בארגט שוין איצט ניט דעם חבר דאס געלט. סיידין דער חבר האט אערב [אגוט שטייער] אונ אז דער ערב פאר זיכערט אים שוין דם געלט. מעג ער אים שוין בארגען מער אויך:

נאך האבען דיא אלטע לייט געזאגט צוא רבי יהושע זאג אונז אזעלכע נאכען וואס זענען געוויס פאלש אונ זייא קענען גאר ניט זיין אמת. האט רבי יהושע צוא זייא געזאגט מיר האבען גיהאט אפרדה [אזוי אאייזיל] האט גיבארען אקינד האט מען אויף גיהאנגען אקוויטול אויף דעם האלדז פון דעם קינד אונ אויף דעם קוויטול איז געווען געשריבען אז ער מאנט ביי מיין פאטער הונדערט טויזענד גילדען. האבען דיא אלטע לייט געזאגט צו רבי יהושע. קען דען אפרדה האבן קינדער. האט רבי יהושע צו זייא געזאגט איר האט דאך געוואלט איך זאל אייך זאגען וואס

מילחא כי סריא במאי מלחי לה בסיליתא דכודנתא ומי איכא סיליתא לכודנתא ומילחא מי סריא . בני לן ביתא באוירא דעלמא אמר שם קם ותלא בין שמיא לארעא אמר להו אסיקו לי ליבני וטינא (מהתם אמרי ומי איכא דמצי לאסוקי התם אמר ומי איכא דמצי למבני ביתא בין שמיא לארעא). אמרו ליה מציעותיה דעלמא היכא זקפה לאצבעתיה אמר להו הכא אמרו ליה מי יימר אמר איתי אשלי ומשחו . אמרו ליה אית לן בירא בדברא עיילי למתא (אייתי פארי שדא להו) א"ל איפשילו לי חבלי דפארי ואיעייליי (אמרו ליה ומי איכא דמפשל חבל מפארי אמר להו ומי איכא דמייתי בירא מדברא למתא) . אית לן ריחייא דתבירא חייטיה (שקל פיסקא מיניה שדא להו) אמר להו כרכו לי מינה גרדי ואחייטה . (אמרו ומי איכא דיכיל למכרך גרדי מריחייא . אמר להו ומי איכא דחייטי ריחייא) . מישרא דסכיני במאי קטלי ליה בקרנא דחמרא ומי איכא קרנא

מילי דכדי. אלו מן ד' רוח : סיליתא . סילית: דפאני . כודנתא עשו לי חבל מסובין ואם אין אתם עושים שאלתי אף אני לא אעשה שאלתכם : חייטה . תפור אותה : כרוכו לי גרדי מינה . כולאו כי מגוגה חוטין כדרך הנשים שמוציאין חוטין מן הבגד ותופרים אותו בכן : גרדי . פרנס"י : מסרק דסכיני במאי קטלי לה . ערוגה סכינין כמה

ליגען איז . דאס איז ליגען :

נאך האבען דיא אלטע לייט גיפרעגט ביי רבי יהושע אז זאלץ ווערט פאר שטונקען מיט וואס זאלצט מען דיא זאלץ זיא זאל ניט אין גאנצען קאליע ווערין . האט רבי יהושע גזאגט מיט אשיליא פון אפרדה (דאס בייטיל וואס אינווייניג ליגט דאס קינד ביא דיא מוטער אין בויך , דאס הייסט שיליא) . האבען דיא אלטע לייט גזאגט האט דען אפרדה אשיליא . אפרדה האט דאך ניט קיין קינדער האט זיא דאך ניט קיין שיליא . האט רבי יהושע גזאגט ווערט דען זאלץ פר שטונקען :

נאך האבען דיא אלטע לייט גזאגט צו רבי יהושע באת אונז אויף אשטוב וואס זאל שטיין אין דער לופטען . הט רבי יהושע גזאגט השם איז גיווארין אשטוב אונ זיא איז געבליבען איינגען אין דער לופטען צווו שען הימעל אונ ערד . האט רבי יהושע צו זייא גזאגט טראגט ארויף אוו דער שטוב ציגול אונ ליים :

נאך האבען דיא אלטע לייט גיפרעגט ביי רבי יהושע וואו איז דער מיטען פון דער וועלט . הט רבי יהושע גישטעלט זיין פינגער אויף די ערד אונ ער הט גזאגט דא איז דער מיטען פון דיא וועלט . האבען דיא אלטע לייט גזאגט ווער זאגט דאס אז עס איז אמת . האט רבי יהושע גזאגט ברייגגט שטריק אונ מעסט :

נאך האבען די אלטע לייט גיזאגט צו רבי יהושע מיר האבען אברונען אין פעלד ברייננ איהם אריין אין שטאט . האט רבי יהושע גיזאגט מאכט מיר שטריק פון קלייען וועל איך מיט דיא שטריק אריין שלעפין דעם ברונען אין שטאט . האבען דיא אלטע גיזאגט ווער קען דאס מאכען שטריק פון קלייען . האט רבי יהושע גיזאגט אונ ווער קען דאס ברייננען אברונען פון פעלד אין שטאט :

נאך האבען די אלטע לייט גיזאגט צו רבי יהושע מיר האבען צו בראכענע מיהל שטיינער גיי צו זאמען די שטיינער . האט רבי יהושע גינומען אשטיק מיהל שטיין אונ האט גיזאגט צו זיי מאכט מיר פון דעם שטיין פאדים וועל איך מיט די פאדים צו נייען די מיהל שטיינער . האבען זיי גיזאגט ווער קען דאס מאכען פאדים פון מיהל שטיינער . האט רבי יהושע גיזאגט אונ ווער קען דאס נייען מיהל שטיינער .

נאך האבען די אלטע לייט גיזאגט צו רבי יהושע אז איינער האט אשטיק ערד וואס אויף איהר וואקסט מעסערס . מיט וואס שניידט מען די מעסערס . האט רבי יהושע גיזאגט מיט אין הארין פון איין אייזיל . האבען די אלטע גיזאגט האט דען אאייזיל אהארין . האט רבי יהושע גיזאגט איז דען דא אשטיק ערד וואס אויף איר זאל וואקסען מעסערס :

גוזין וקיצין אותה: זוגתא. תרנגולת: ודציצא דמיית. אפרוח שמת בתוך קליפתו: אחוי לן עמא דלא שוי לחבליה: הראנו כלי שאינו שוה הפסד שאתה מפסיד: בודיא. מחצלת: לא עייל בהרעא. שהיה ארוך ורחב יותר מן הפתח: אייתו מרא: פוציי"ר בלעז: וסתרו. בנין הפתח והכותל עד שיכנס: אייתינהו. למיכל בספינתא הואיל ואינם והיה מביאן אחד אחד בפני עצמו ומכניסו לאדר: וכי חזי שיתין ביסתרקי. סבר כל חברי לאדר זה יבואו: א"ל. ר' יהושע: לספונא. רב החובל: שרי ספינתך: התר ספינתך ולך: לגבי בליעי. מים שבאוקינוס שבולעין כל מים

קרנא לחמרא ומישרא דסכיני מי הויא. אייתו ליה תרתי ביעי א"ל הי זוגתא חוורתא והי זוגתא אוכמתי אייתי איהו תרי גביני א"ל הי דעיזא תוורתא והי דעיזא אוכמתי. אמרו ליה ודציצא דמיית בביעתיה בהי נפקא רוחיה אמר להו בהיינו דעאיל, אמרו ליה אחוי לן מנא דלא שוי לחבליה אייתי בודיא פשטוה לא הוה עייל בהרעא אמר להו אייתי מרא סתרוה היינו מנא דלא שוי לחבליה אייתינהו כל חד וחד כי חזי שיתין ביסתרקי סבר כולהי הבראי להכא אתו א"ל לספונא שרי ספינתך בהדי דאתי אייתי עפר מעפרייהו (דף ט) כי מטא לבי בליעי (אית ביה תלת צילמין חד מטי ידיה ארישא וחד מטי אליביה ובתרא דכולהו מהוי בידיה לאחוריה) שקל כווא דמיא מבי בליעי כי אתא אוקמינהו קמי קיסר וחזנהו דהוו מעני א"ל לאו

דער נאך האט מען גיבריינגט פאר רבי יהושע צוויי אייער. האבען די אלטע גיזאגט צו רבי יהושע ער זאל דער קענען וועלכע איי איז פון אווייסע הון אונ וועלכע איי איז פון אשווארצע הון: האט רבי יהושע גיבריינגט צווייא קעז אונ ער האט גיזאגט צו זיי דער קענט וועלכער קעז איז גימאכט פון דיא מילך פון אווייסע קאזע. אונ וועלכער קעז איז גימאכט פון דיא מילך פון אשווארצע קאזע:

נאך האבען דיא אלטע לייט גיזאגט צו רבי יהושע אז איונגע הינדעל איז גיפיינגערט ווען זיא איז נאך גיוועזען אין דיא איי. דורך וואנען איז ארויס איהר נשמה. דיא איי איז דאך ארום פאר מאכט. האט רבי יהושע גיזאגט דורך דעם ארט וואס דיא נשמה איז אריין אין די איי. דורך דעם ארט איז די נשמה ארויס גיגאנגען פון דיא איי:

נאך האבען דיא אלטע לייט גיזאגט צו רבי יהושע וייז אונז אזוי אכלי וואס זיא איז ניט ווערט אזוי פיל וויא דער שאדין וואס זיא מאכט. האט רבי יהושע געבריינגט אראגאזע אונ האט איהר אויס געשפרייט אויף דיא טיר. האט זיא ניט גיקענט דורך גיין דורך דיא טיר. ווארום זיא איז גיוועזען לייגגער אונ ברייטער וויא דיא טיר. האט רבי יהושע גיזאגט מען זאל ברייגגען אהידעל אונ מען זאל האקין אין דיא וואנט ברייטער אונ העכער צו מאכען די טיר. דיא ראגאזע זאל קענען דורך גיין. דיא גאנצע ראגאזע איז ניט ווערט אזוי פיל וויא דר שאדין וואס מען וועט צו האקין דיא וואנט. וויא רבי יהושע האט זייא בייא גיקומען האבען זייא גימוזט אריין גיין אין זיין שיף עסין בייא איהם (אזוי וויא ער האט מיט זייא אפ גירעט). האט רבי יהושע אריין גיבריינגט איינעם אין אשטוב. ווי דער איינער האט גיזעהן אז אין דער שטוב שטייען זעכציג שטוהלען: האט ער גימיינט אז אלע זיינע חברים וועלין אריין קומען אין דיא איינע שטוב. אונ אזוי האט ער אריין געפירט יעדען בזונדער אין אשטוב: אונ יעדער האט גימיינט אז אין דיא שטוב וועלין אלע זיצען. האט רבי יהושע גיזאגט צום שיפער בינד אפ דיא שיף פון ברעג אונ פאר. ווען רבי יהושע איז אריין גיגאנגען אין דיא שיף אוועק צוא פארין האט ער גיבריינגט אין דיא שיף אביסול ערד פון דיא שטאט אתונא וואס דיא אלטע לייט האבין דארט גיוואהנט. ווי די שיף איז גיקומען צום ים אוקינוס וואס זיא זאפט איין אין זיך אלע וואסערין פון דער וועלט אונ שפייט זייא אויס צוריק. האט ער דארט גיזעהן שטיין דרייא בילדער. איינער האלט זיין האנט אויף זיין קאפ. דער אנדערער האלט זיין האנט אויף זיין הארץ. אונ דער דריטער ווייזט מיט זיין האנט אויף אינטען. האט רבי יהושע גינומען אקריגעל וואסער פון דעם ים אוקינוס. ווי רבי יהושע איז גיקומען צוריק פאר דעם קיסר האט ער גישטעלט די זעכציג אלטע לייט פאר דעם קיסר. האט דער קיסר גיזעהן זייא זעהן אויס

לאו הני אינהו שקל מעפרייהו שדא עלייהו אקשו לאפי מלכא א"ל כל דבעית עביד להו אייתו הנהו מיא דאתי מבי בליעי שדנהו בתיגרא אמר להו מליוה להאי ואייתו לכו מלו שדו ביה קמא קמא הוה קא בלע להו מלו עד דשמוט כתפייהו וכלו ואזול :

מגופלין כו ומביאין אותם עד הכוס ופולטות אותן והיינו דכתיב והים איננו מלא : דהוו מעט מעונים ומפלים לפי שלא היו נאהם : אקשו . כעין פניהם ודברו קבום את המלך כשסריהו את ריש הרלם והיו סבורים להיות קרוב לארלם . בתיגרא . בכלי . נ"א בתיגרא בחבית : דשמוט כתפייהו . נשמטו פרקי בכתפם : וכלו ואזול . כלו והלכו לאבדון : עכשיו מלות הלילה קודמת . שהמייבם את יבמתו שלא לשם מלוה פוגע באיסור אשת אח : מכ"מ. דאין נופלין שכר על כוראה וס"ם שילמד :

ח משנה מצות יבום קודמת למצות חליצה בראשונה שהיו מתכוונין לשם מצוה ועכשיו שאין מתכוונין לשם מצוה אמרו מצות חליצה קודמת למצות יבום :

עד כמה פרק רביעי

(דף כט) א משנה הנוטל שכר לדון דיניו בטלים וכו' : גמ' מנה"מ א"ר יהודה אמר רב דאמר קרא (דברים ד) ראה למדתי אתכם וגו' מה אני בחנם אף אתם בחנם

שקעכט. אפ גימאגערט אונטוטהיג . האט דער קיסר גיזאגט צו רבי יהושע דאס מוזען גאר ניט זיין דיא אלטע חכמים פון אתונא. דוא האסט מיר גיבריינגט אנדערע מענטשין אונ דוא נארסט מיך . האט רבי יהושע גינומען אביסול ערד פון דיא אתונאר ערד וואס ער האט מיט געבריינגט אין דיא שיף . אונ האט דיא ערד ארויף גיווארפען אויף דיא אלטע לייט . ווי דיא אלטע לייט האבען דער שמעקט דעם ריח פון זייער ערד . האבען זייא גימיינט זייא זענען נאנט צו זייער לאנד . זענען זייא פריש גיווארען . אונ האבען אן גיהויבען רייען מיט דעם קיסר הארטע רייד אונ מיט העזה . האט דער קיסר גיזאגט צו רבי יהושע וואס דוא ווילסט טוה מיט זייא . האט רבי יהושע גיבריינגט דיא וואסער וואס ער האט אן גישעפט אין ים אוקינוס . אונ האט זייא אריין גיגאסין אין א פאס . אונ ער האט גיזאגט צו דיא אלטע לייט אז איהר ווערט אן גיסען דיא פאס פול וועט איהר מעגין גיין אין אייער לאנד . האבען זייא גישעפט אונ גיגאסין אין פאס . יעדער ביסול וואס זייא האבען צריין גיגאסין אין פאס . איז איין גיזאפט גיווארען אין דיא פאס . אונ דיא פאס האט ניט גיקענט פול ווערין . זיי האבען אזוי לאנג גישעפט אונ גיגאסין ביז זייערע אקסלען זענען אפגעריסען גיווארען . אונ זייא זענען פארלענדט גיווארען אונ גישטארבען :

ח משנה . מצות . דער דין איז אז עס זענען דא צווייא ברידער אונ איינער שטארבט אן קינדער . דארף דער ברודער תתונה האבען מיט דעם גישטארבענעם ברודערס ווייב דאס הייסט מיבם זיין . אונ אויב ער וויל ניט חתונה האבען מיט איהר . זאל ער איר געבין חליצה . זאגט דיא משנה מער מצוה איז ער זאל מיט איהר חתונה האבען . נאר אויב ער וויל ניט חתונה האבען מיט איהר . זאל ער איהר געבין חליצה . דאס איז נאר גיוועזען פאר צייטין וואס ער האט חתונה גיהאט מיט זיין גישטארבענעם ברודערס ווייב . נאר פון מצוה וועגין . אבער היינט אז מען איז ניט אזוי פרום . קען זיין ער האט מיט איהר חתונה ווייל זיא איז שיין . אדער ווייל ער וויל ירשנן זיין ברודערס פארמעגין . אונ ער מיינט נאר ניט דיא מצוה . אונ אז מען מיינט ניט פון וועגין מצוה קומט כרת . דריבער האט מען גיזאגט מער מצוה איז ער זאל איהר געבין חליצה אונ זאל ניט מיבם זיין .

פרק רביעי

א משנה . הנוטל . דער דיין וואס נעמט געלט פאר וואס ער משפט . איז זיין פסק דין גאר ניכט . זאגט דיא גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז עס איז אזוי . האט רב יהודה גיזאגט פון רבס וועגין ווארום עס שטייט אין פסוק משה האט גיזאגט צו דיא יידען ועתה צו

בחנם תנ"ה כאשר צוני ה' אלהי מה אני בחנם אף אתם בחנם מניין שאם לא מצא בחנם שילמד בשכר ת"ל (משלי כג) אמת קנה (ואל תמכור) ומנין שלא יאמר כשם שלמדתיה בשכר כך אלמדנה בשכר ת"ל אמת קנה ואל תמכור :

(דף ל ע"ב) **ב** ת"ר הבא לקבל דברי חברות אם ראינוהו שנוהג בצינעא בתוך ביתו מקבלין אותו מיד ואח"כ מלמדין אותו ואם לאו מלמדין אותו ואח"כ מקבלין אותו רשב"י אומר בין כך ובין כך מקבלין אותו והוא לומד כדרכו והולך :

(דף לא) **ג** ת"ר בראשונה היו אומרים חבר ונעשה גבאי דוחין אותו מחברותו פירש אין מקבלין אותו חזרו לומר פירש הרי הוא ככל אדם . רב הונא בר חייא איצטריכא ליה שעתא הוה קא עייל גביה רבה ורב יוסף ות' זוגי דרבנן שמע דקא אתו קטור להו ת' תכתקי לסוף שמעו דנעשה גבאי שלחו ליה יזיל ליה לחשיבותיה יזיל ליה לקרמותיה.

אמת . תורה :
שנהג בצנעה . קודם שקבל בפנינו היה נוהג עליו דין חברים בצנעה שאין לחשדו ולומר לפנים כוה עושה : מקבלין אותו. שמחזיקנו כחבר ונאמן לכל דבריו :
גבאי . ממונה לגבות מס מישראל : פירש . מן הגבאות : איצטריכא ליה שעתא . שהיו צריכים חכמים לשאול ממנו הלכות : קטר להו . קשר ותיקן להם : ת' תכתקי . כסאות : יזיל

איך האב אייך געלערנט חוקים און משפטים. אזוי ווי איך האב מיט אייך געלערנט אומזיסט: אזוי זאלט איהר אויך לערנען מיט אנדערע אומזיסט ; מיר האבען אויך אזוי געלערנט משה האט געזאגט צו דיא יודען איך האב מיט אייך געלערנט תורה אזוי וויא גאט האט מיך געבאטין . אזוי וויא איך האב מיט אייך געלערנט אומזיסט. אזוי זאלט איהר אויך לערנען מיט אנדערע אומזיסט . פון וואנען ווייסען מיר אז ער געפינט ניט וועט ער עס זאל מיט איהם לערנען אומזיסט . מוז ער בעצאהלין מען זאל מיט איהם לערנען . שטייט אין פסוק אמת זאלסטו קויפען וויא תורה ווערט גערופען אמת . ווייל עס איז ניטא קיין אמת'רע זאך וויא דיא תורה איז . און פון וואנען ווייסען מיר אז אמענטש זאל ניט זאגין אזוי וויא איך האב בעצאהלט געלט פאר מיין תורה לערנען . אזוי וועל איך אויך אנדערש ניט לערנען תורה מיט אנדערע סיידען מען וועט מיר בעצאהלין . שטייט אין פסוק אמת זאלסטו קויפען . אבער דוא זאלסט ניט פאר קויפען ;

ב תנו רבנן . די רבנן האבען געלערנט אז איין עם הארץ וויל זיך אנהייבין צו פירען אזוי וויא אחבר . אויב מיר האבען געזעהן אז אפילו ביי זיך אין שטוב אין דער שטיל פירט ער זיך אויך אזוי וויא אחבר . נעמט מען איהם באלד צו די לומדים ; און דער נאך לערנט מען מיט איהם אלע דינים. און אויב מען האט ניט געזעהן פון איהם ער זאל זיך פירען אין שטוב וויא אחבר . לערנט מען מיט איהם פריער דיא דינים . דער נאך נעמט מען איהם צו דיא לומדים . רבי שמעון בן יוחאי זאגט סיי אזוי און סיי אזוי . דער וואס וויל זיך נאר פירען וויא אחבר . נעמט מען איהם באלד צו דיא לומדים . און ער לערנט ביסלאכווייז אלע דינים ;

ג תנו רבנן . דיא רבנן האבען געלערנט אין אנהייב פלעגט מען זאגין אז אחבר איז געווארען אגבאי וצו מאנען פאדאטקעס פון יודען . שטויסט מען איהם ארויס פון די לומדים . און אז ער האט זיך אפ געשיידט פון זיינע גבאות נעמט מען איהם ניט צוריק צו די לומדים . דער נאך האט מען געזאגט אז ער שיידט זיך אפ פון די גבאות . איז ער אזוי ווי אלע אנדערע יודען און מען נעמט איהם צוריק צו דיא לומדים . דיא רבנן האבען אמאהל גידארפט קומען צו רב הונא בר חייא פרעגין בייא איהם דינים . איז גיגאנגען רבה און רב יוסף און פיר הונדערט פאר רבנן ; וויא רב הונא האט גיהערט אז די רבנן קומען צו איהם . האט ער אנגעברייט פון זייערט וועגין פיר הונדערט שטוהלין . אין וועג וויא זיי זענען גיגאנגען האבען זיי גיהערט זאגין אז רב הונא איז גיווארען אגבאי צו מאנען פאדאטקעס . האבען דיא רבנן געשיקט צו רב הונא ער זאל גיין צו זיין גרויסקייט וואס ער האט אויס דערוויילט . ער זאל גיין צוא דיא גרויסקייט וואס ער איז פריער גיוועזן . צו זיינע גבאות ; האט רב הונא געשיקט צו די רבנן

לקדמותיה שלח להו הרדי בי רב יוסף לא אזל רבה אזל רב יוסף אמר הנינא פירש אין מקבלין אותו רבה אמר תנינא חזרו לומר פירש הרי הוא ככל אדם :

לקדמותיה. ילך לקבלתו אחר שהשיבו שנתמנה לגבות מוכס ולא לא ילך אלא : הדרי בי . מגבאות :

כל פסולי פרק החמישי

(פ"ג) **א** (רב בר אידי) [ר' אידין] סרסיה דרב ששת הוה שמע מיניה אזל אמרה בי מדרשא ולא אמרה משמיה שמע רב ששת איקפד אמר מאן עקץ לעקציה עקרבא ורב ששת מאי נפקא ליה מינית דאמר רב יהודה אמר רב מ"ד (תהלים סא) אגורה באהלך עולמים וכי אפשר לו לאדם לדור בשני עולמים אלא אמר דוד לפני הקב"ה רבש"ע יהי רצון שיאמרו דבר שמועה מפי בעה"ז דא"ר יוחנן משום ר"ש בן יוחאי כל ת"ח שאומרים דבר שמועה מפיו בעוה"ז שפתותיו דובבות בקבר וא"ר יצחק בר זעירי מאי קראה (שה"ש ז) וחכך כיין הטוב הולך לדודי למישרים דובב שפתי ישנים ככומר של ענבים מה כומר של ענבים כיון שאדם נוגע בו דובב אף תלמידי חכמים כיון שאומרים דבר שמועה מפיו בעולם הזה שפתותיו דובבות

סרסיה. שמעיה: אמרה בבי מדרשא. לבלא פירושא דאמר בגמרא לעיל : מאן עקץ . מי הוא שעקצני והכני שלא אמרה משמי : נעקצה עקרבא במתא : דובבות . נעות והגאה הוא לו בדומה כמו: כומר ענבים. שאוספן בכלי אחד ז' או ח' ימים כדי שיחמו ויתבשלו :

איך האב חרטה איך וועל שוין מער ניט זיין קיין גבאי . רב יוסף האט שוין ניט געוואלט גיין צו רב הונא . רבה איז גיגאנגען צו רב הונא . רב יוסף האט גיזאגט מיר האבען גילערנט אפילו ער שיידט זיך אפ פון דיא גבאות נעמט מען איהם ניט צו די לומדים . רבה זאגט מיר האבין גילערנט דער נאך האט מען גיזאגט אז ער שיידט זיך אפ פון די גבאות איז ער צוריק אזוי ווי אלע מענטשין :

פרק המישי

א רב אידי איז גיוועזן דער בדינער פון רב ששת . וועלכע זאך רב אידי האט גיהערט פון רב ששת איז ער גיקומען אין בית המדרש אונ האט דאס גיזאגט פאר די רבנן . אונ ער האט ניט גיזאגט אז דיא תורה האט ער גיהערט פון רב ששת . נאר עס האט אויס גיזעהן אזוי וויא ער אליין האט בעטייעט דעם דין פון זיין שכל . וויא רב ששת האט דאס גיהערט איז ער אין כעס גיווארען . אונ ער האט גיזאגט ווער סיך האט געביסען . זאל איהם בייסין אשקאנג : פרעגט די גמרא וואס הארט דען רב ששת אז רב אידי האט ניט גיזאגט דיא תורה אין זיין נאמען . ענטפערט די גמרא ווארום רב יהודה האט גיזאגט פון רבס וועגין עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט גיזאגט איך וועל וואוהנען אין ביין גיצעלט אין ביידע וועלטין . קען דען איין מענטש וואוהנען אין ביידע וועלטין מיט איין מאהל . ווען דער מענטש לעבט אויף דער וועלט איז ער ניט אויף יענער וועלט . אונ נאך זיין טויט ווען ער איז אויף יענער וועלט . לעבט ער שוין ניט אויף דער וועלט . נאר אזוי האט דוד גיזאגט פאר גאט . רבונו של עולם עס זאל זיין דער ווילען מען זאל זאגין תורה פון מיינעטוועגין וואס איך האב זייא בעטייטש אויף דר וועלט . ווארום רבי יוחנן האט גיזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין דער תלמיד חכם וואס איז גישטארבין אונ מען זאגט תורה פון זיינעטוועגין אויף דער וועלט . ריידען זיינע לעפצין אין קבר . אונ ער האט אזוי אפארגענינגען גלייך וויא ער וואלט גילעבט . לעבט ער אויף ביידע וועלטין מיט איין מאהל . רבי יצחק בר זעירי זאגט דאס ווייסען מיר פון דעם פסוק דיין גומען איז אזוי וויא גוטער ווין ער גייט צו מיין פריינד צו גלייכקייט ער מאכט ריידען דיא לעפצין פון דיא שלאפערינגע . דיא תורה איז אזוי וויא אבלי מיט וויינטרויבין . אזוי וויא די כלי מיט ווין טרויבין אז א מענטש רירט נאר אן די ווינטרויבין . אונ דיא ווין הויבט אן ארויס צו גיין . רוישט דאס אז מען הערט אשטיקע שטימע . אזוי תלמידי חכמים וואס זענען גישטארבען אז

דובבית בקבר:

(דף לה ע"ב) **ב** א"ל רב פפא לאביי לר"מ דאמר החשוד על הדבר לא דנו ולא מעידו וקאמר ר"מ החשוד על דבר אחד חשוד לכל התורה כולה כהני ה"נ דלא דייני דינא והכתיב (דברים כא) ועל פיהם יהיה כל ריב וכל נגע איטר דאמר ר"מ לחששא לאחזוקינהו מי אמר:

(דף לו) **ג** רבי צדוק הוה ליה ההוא בוכרא רמא ליה שערי בסלי נצרים כיילי ערבה קלופה בהדי דקא אכיל איבזעאי שפותיה אתא לקמיה דר' יהושע אמר ליה כלום הלקנו בין חבר לע"ה א"ל ר' יהושע הן בא לפני ר"ג אמר לו לאו והלא ר' יהושע אמר

החשוד על דבר. כהנים החשודים על הבכורות: לאחזוקינהו. בחשודים: מי אמר. ר"מ חשוד לדבר א' חשוד לכל התורה כולה היכא דמוחזק לן דעובר על דבר אחד:

כלום חלקנו בין חבר לכהן עם הארץ ומי חשידנא הנא למיעבדי ביה מום בכוונה ככהן עם

מען זאגט תורה פון זייערטווערגין וואס זיי האבין אליין בעגייט] אויף דער וועלט. ריידין זייערע לעפצין אין קבר:

ב אמר. רב פפא האט גזאגט צו אביי נאך רבי מאיר וואס ער זאגט דער מענטש וואס מען איז איהם חושד אויף אזאך. טאר ער ניט זיין אדיין אונ ניט אעדות אויף דער זאך. אונ נאך האט רבי מאיר גזאגט דער מענטש וואס מען איז איהם חושד אויף איין עבירה. דארף מען איהם שוין חושד זיין אויף דיא גאנצע תורה. איז דאך דיא קשיא דיא כהנים איז מען דאך חושד אז זייא מאכען פעלערס אין דיא בכורים וואס דאס טאר מען ניט דארף מען דאך די כהנים חושד זיין אויף דיא גאנצע תורה. דארפען דאך דיא כהנים ניט טארין זיין דיינים. אונ אין פסוק שטייט דורך דיא כהנים זאל גיפסקנת ווערין אלע דינים פון קריג אונ דיא דינים פון נגעים. ענטפערט דיא גמרא אזוי האט רבי מאיר גזאגט אז מען זעהט אז איינער האט גיטאהן אעבירה. איז מען איהם שוין חושד אויף די גאנצע תורה. אבער אז מען האט ניט גיזעהן פון איהם אעבירה. נאר מען איז איהם חושד אויף אעבירה. איז ער נאך ניט אין חשד אויף דיא גאנצע תורה. אונ דיא כהנים זענען נאר אין חשד טאמער מאכען זייא אפעלער אין דעם בכור. אבער מען האט נאך ניט גיזעהן אז ער האט גימאכט אפעלער ודער דין איז אישראל וואס האט אבהמה דיא ערשטע קאלב אזכר וואס ווערט גיבארען הייסט אבכור אונ מען מוז איהם אוועק געבין צום כהן: אונ ווען דער בית המקדש איז גיוועזן האט דער כהן גיברייננט דיא קאלב אין דער עזרה אונ מען האט איהם גישאכטען אונ דיא בלוט האט מען געשפריצט אויף דעם מזבח אונ דיא חלב האט מען פאר ברענט אויף דעם מזבח. אונ די פלייש האט גיגעסען דער כהן מיט זיין ווייב אונ קינדער. אונ אז דער מזבח איז ניטא מוז דער כהן אדעווען דעם בכור אזוי לאנג ביז ער וועט בעקומען אפעלער וועט ער איהם שעכטין אונ עסין. אונ ווייל עס קען אמאל דאערין יאהרין לאנג ביז דער בכור זאל בעקומען אפעלער: אונ דעם כהן איז שווער ער זאל איהם אזוי לאנג אדעווין. דריבער איז מען חושד דעם כהן אז ער וועט מאכען אפעלער אין דעם בכור אונ ער וועט זאגען דער פעלער איז אליין גיווארין:

ג רבי צדוק האט גיהאט אבכור. האט ער אריין גישאטען גערשטין אין אקארב גיפלאכטען פון ווייסע ריטער. דער בכור זאל עסין דיא גערשטין וואס אין קארב. וויא דער בכור האט אריין גישטעקט דעם קאפ אין קארב צו עסין די גערשטין. האבען די ריטער צו שפאלטען דיא לעפצין פון דעם בכור. אונ דאס איז שוין אפעלער. איז רבי צדוק גיקומען פאר רבי יהושע אונ האט גיפרעגט ביי איהם אויב מען האט אפ גיטיילט דעם למדן פון דעם עם הארץ: אז אכהן עם הארץ קומט אונ זאגט זיין בכור האט בעקומען אפעלער פון זיך אליין. טאר ער ניט שעכטין דעם בכור ווארום מען גלויבט איהם ניט: טאמער האט ער גימאכט דעם פעלער. אבער אז אכהן אלמדן זאגט דער פעלער איז גיווארין פון זיך אליין גלויבט מען אים: דארף מען מיר אויך גלויבען. אז דער פעלער איז אליין גיווארין. מעג איך שעכטין דעם בכור

אמר לי הן א"ל המתן עד שיכנסו בעלי תריסין לבית המדרש כיון שנכנסו בעלי תריסין לבית המדרש עמד השואל ושאל כלום חלקנו בין חבר לע"הא"ל ר' יהושע לאו א"ל ר"ג והלא משמך אמרו לי הן יהושע עמוד על רגליך ויעידו בך עמד ר' יהושע על רגליו ואמר היאך אעשה אלמלא אני חי והוא מת יכול החי להכחיש את המת עכשיו שאני חי והוא חי היאך יכול החי להכחיש את החי היה ר"ג יושב ודורש ור' יהושע עומד על רגליו עד שרננו כל העם ואמרו לחוצפית המתורגמן עמוד ועמד

הא"ן יכן. חלקו ולא תחדת: בעלי תריסין: מגינים התלמידי חכמים הנלחמים במלחמתה של תורה. ובערוך פי' כמשמעו שמלכי יון מפקידים על כבודי ישראל לעזור אותן וכו' ע"ש וכן משמע בפי' תפלת השחר שאמר דלא לו תי עבדי ר"ג ונלטרו רבנן: היאך אעשה. איני יכול להכחישו: אלמלא אני חי והוא מת. הייתי יכול להכחיש ולומר לא אמרתי: היאך יכול החי להכחיש החי. והוא כך אמרתי ותוזכני בי: עמוד. שתוק:

על אלו מומין פרק ששי

(דף לח ע"ג) **א פיסקא** איזהו תבלול לבן הפוסק את הסירה וכו'. ר' יוסי אומר לבן נכנס בשחור הרי זה מום שחור נכנס בלבן אינו מום שאין מומין

אונ עסין. האט רבי יהושע גזאגט עס איז אזוי מען האט אפ געטיילט דעם למדן פון דעם עם הארץ: מענגסטו שעכטין דיין בכור אונ עסין. דער נאך איז רבי צדוק געקומען פאר רבן גמליאל פרעגין אויב ער מעג שעכטין דעם בכור. האט רבן גמליאל גזאגט ניין. ער טאר ניט שעכטין דעם בכור. האט רבי צדוק גזאגט רבי יהושע האט דאך מיר גזאגט אז איך מעג שעכטין דעם בכור: האט רבן גמליאל גזאגט צו רבי צדוק ווארט ביז דיא חכמים וועלען קומען אין בית המדרש. וויא דיא חכמים זענען אריין גיגאנגען אין בית המדרש. האט רבי צדוק זיך גישטעלט פרעגין האט מען אפ גיטיילט דעם למדן פון דעם עם הארץ. אדער ניין. זאגען מיר זאגען אז דער למדן איז בגלויבט צו זאגען אז דער פעלער איז אליין גיווארין. אונ דער עם הארץ איז ניט בגלויבט. אדער זייא זענען ביידע ניט בגלויבט. האט רבי יהושע גזאגט מען האט ניט אפ גיטיילט דעם למדן פון דעם עם הארץ. נאר זייא זענען ביידע ניט בגלויבט. הט רבן גמליאל גזאגט צו רבי יהושע מען האט דאך מיר גזאגט פון דיינעט וועגין אז דוא זאגסט מען האט יא אפ גיטיילט דעם למדן פון דעם עם הארץ. יהושע שטעל דיך אויף דיינע פיס וועט מען אויף דיר עדות זאגען אז דוא האסט גזאגט מען האט יא אפ גיטיילט דעם למדן פון דעם עם הארץ. האט רבי יהושע זיך גישטעלט אויף זיינע פיס אונ הט גזאגט וויא זאל איך טאהן. ווען איך וואלט לעבין אונ רבי צדוק וואלט גיוועזן גישטארבען. אלעבעדיגער קען אפ לייקענען דעם טויטען. וואלט איך זאגען איך האב אזוי ניט גזאגט וויא רבי צדוק זאגט פון מיינעט וועגין. אבער איצט אז איך לעב אונ רבי צדוק לעבט וויא אזוי קען אלעבעדיגער אפ לייקענען אלעבעדיגען. מוז איך מודה זיין אז איך האב טאקי אזוי גזאגט. אז מען האט אפ גיטיילט דעם למדן פון דעם עם הארץ. אונ איצט האב איך חרטה אונ זאג מען האט ניט אפ גיטיילט דעם למדן פון דעם עם הארץ. רבן גמליאל איז גיזעסען אונ גידרשת: אונ רבי יהושע איז גישטאנען אויף זיינע פיס. ביז דס פאלק האט אן גיהויבען צוא שרייען אונ האבען גזאגט צום מתורגמן רבי חוצפית שווייג שטיל איז ער שטיל גיווארין:

פרק ששי

א פיסקא. איזהו תבלול. וואס מיינט מען תבלול: זאגט דיא גמרא אז עס גייט ארויס אזוי וויא אווייסער שנירול פון דעם שווארצעל ביז אין דעם ווייסעל אונ דער שנירול האקט איבער דאס רעדעלע וואס ארום דעם שווארציל. רבי יוסי זאגט אז דם ווייסעל גייט אריין אין שווארציל איז דם שווארציל קאליע גיווארין איז אפעלער. אונ אז דאס שווארציל גייט אריין

מומין בלבן אמר רב מאי טעמא דרבי יוסי דכתיב (תהלים עג) יצא מחלב עינמו תרבא דעינא איקרי עינמו סתמא לא איקרי:

מומין אלו פרק שביעי

(דף מד) **א אמר** רב מרע"ה עשר אמות היה שנא' (שמות מ) ויפרוש את האהל על המשכן מי פירשו מרע"ה פירשו וכתיב (שם כו) עשר אמות ארך הקרש א"ל רב שימי בר חייא לרב א"כ עשיתו למשה בעל מום דתנן גופו גדול מאבריו או קטן מאבריו א"ל רב שימי באמה של קרש קאמרינן:

(ע"ב) **ב תניא** משתינין מים בפני רבים ואין שותין מים בפני רבים ומעשה באחד שבקש להשתין מים ולא השתין ונמצא כריסו צבה. שמואל איצטריכא ליה בשבתא דריגלא נגדו ליה גלימא אתא א"ל לאבוה א"ל איתיב לך ארבע מאות זוזי וזיל הדר עובדא למאריה

פירוש

יצא עינמו. יצא רבע לסרבות רעה מרוב שומן שבעינו ושומן העין לבן הוא: עשר אמות. קס"ד באמה שלו: בעל מום. דגופו גדול מאבריו דהא כל אדם אין גובהו אלא ג' אמות באמתו: באמה של קרש קאמינא. דהיינו עשר אמה באמה של קרשים דאורך הקרשים לא מדד באמתו של משה והא דאמרינן בפ"ק דלעיל אחת יתירה על של משה אלי אצבע לאו בשל משה ממש קאמר דהאי של משה היתה יתירה אחד על אותה של קרש שתקן משה: ואין שותין מים. דדרך ת"ח להיות צנוע באכילה ושתיה אבל להטיל מים לא שייך צנוע שהם ימתין יסתכן: איצטריכא ליה. להטיל מים: בשבתא דריגלא. ב' יום קודם הרגל דשואלין ודורשין בהלכות הרגל כדאמרינן במגילה: נגידו ליה גלימא. פרסו סדין בינו לבין העם: הדר עובדא למאריה.

אִין דֶעם וַוייסֶעל אִיז דָאס ווייסִיל הַאלֶיע גִיוָוארִין אִיז נִיט קֵיין פֶעטֶער. וָוארוּם בַּייא דֶעם וַוייסֶעל אִיז גִיטָא קֵיין פֶּעטֶער. רַב זָאגְט פוּן וַואנֶען וֵוייס רַבִּי יוֹסִי אַז בַּיי דִי וַוייסֶעל אִיז נִיטָא קֵיין פֶעטֶער. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עֶס אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן פֶעטְס זַיין אוֹיג. דִי וַוייסִיל וֶוערְט גִירוּפֶען דִי פֶעטְס פוּן דֶעם אוֹיג. אָבֶּער זִי וֶוערְט נִיט גִירוּפֶען דִי אוֹיג. וָוארוּם דִי אוֹיג אִיז נָאר דִי שְׁוַוארְצִיל:

פרק שביעי

א אָמַר. רַב הָאט גִיזָאגְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גִיוֶוען הוֹיךְ צֶעהְן אֵיילִין. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עֶר הָאט פַאר שְׁפְּרֵייט דֶעם גִיצֶעלְט וּדִי יְרִיעוֹת] אוֹיף דֶעם מִשְׁכָּן. וֶוער הָאט פַאר שְׁפְּרֵייט. מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט פַאר שְׁפְּרֵייט. אוּנ עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק צֶעהְן אֵיילִין אִיז גִיוֶוען דִיא לֵיינְג פוּן אַבְּרֶעט. אִיז דָאךְ דֶער מִשְׁכָּן גִיוֶוען הוֹיךְ צֶעהְן אֵיילִין. אוּנ אַז מֹשֶׁה הָאט גִיקֶענְט פַּר שְׁפְּרֵייטֶען דִיא יְרִיעוֹת אוֹיף דֶעם מִשְׁכָּן אִיז עֶר דָאךְ הוֹיךְ גִיוֶוען גֶעווֶעס צֶעהְן אֵיילֶען. הָט רַב שִׁימִי בַּר חִיָּיא גִיזָאגְט צוּ רַב אוֹיב אַזוֹי הָאסטוּ דָאךְ גִימַאכְט מֹשֶׁהן פַאר אַפֶּעֶר הַאפְטֶען מֶענְטְשׁ. וָוארוּם עֶס קוּמְט אוֹיס אַז זַיין גוּף אִיז גִיוֶוען גְרֶעסֶער וִויא זַיינֶע הֶענְט. אוּנ מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט אַז דֶער קֶערפֶּער פוּן אַמֶענְטְשׁ אִיז גְרֶעסֶער וִויא זַיינֶע גְלִידֶער וְלָמָשָׁל עֶר אִיז אַהוֹיבֶער מֶענְטְשׁ אוּנ הָאט קְלֵיינֶע הֶענְט אָדֶער קְלֵיינֶע פִיס] . אָדֶער עֶר אִיז קְלֶענֶער וִויא זַיינֶע גְלִידֶער וֶוער אִיז אַנִידֶערִיגֶער מֶענְטְשׁ אוּנ הָאט לַאנְגֶע הֶענְט אוּנ לַאנְגֶע פִיס] אִיז דָאס אַפֶּעֶר. הָאט רַב גִיזָאגְט צוּ רַב שִׁימִי מִיר שְׁמוּעֶסִין פוּן דִיא אֵיילִין וָואס מֶען הָאט מִיט זַייא גִימָאסְטֶען דִיא בְּרֶעטֶער. אַזֶעלְכֶע צֶעהְן אֵיילִין אִיז מֹשֶׁה הוֹיךְ גִיוֶוען. זֶענֶען גִיוֶוען זַיינֶע הֶענְט אוּנ פִיס גְרוֹיס נָאךְ דִיא הֵייךְ פוּן זַיין גוּף:

ב תַּנְיָא. מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט אַז אֵיינֶער שְׁטֵייט מִיט מֶענְטְשִׁין אוּנ עֶר וִויל מַשְׁתִּין זַיין אוּנ עֶר הָאט נִיט קֵיין אָרְט וואוּ. מֶעג עֶר מַשְׁתִּין זַיין פַאר דִיא מֶענְטְשִׁין: וָוארוּם עֶס אִיז אַסַכָּנָה אוֹיף צוּ הַאלְטֶען דִי הַשְׁתָּנָה. אוּנ אַז מֶען וִויל טְרִינְקֶען זָאל מֶען גֵיין אָן אַזַייט. נִיט פַר מֶענְטְשִׁין. עֶס הָאט אַמָאהל גִיטְרָאפֶען בַּיי אֵיינֶעם וָואס עֶר הָאט גִיוָואלְט מַשְׁתִּין זַיין אוּנ הָאט נִיט מַשְׁתִּין גִיוֶוען אִיז אִים דֶער בּוֹיךְ גִישְׁוָואלֶען גִיוָוארֶען. שְׁמוּאֵל הָאט אַמָאהל גִזָאגְט אַדְרָשָׁה דֶעם שַׁבָּת וָוס פַר יוֹם טוֹב: אִין מִיטֶען דֶער דְרָשָׁה הָאט עֶר גִידַארְפְט מַשְׁתִּין זַיין. הָט מֶען

למאריה את אפשר לך דלא אפשר ליה מסתכן . מר בר רב אשי איצטריך אגודא דגבלא אישתין אמרי ליה חמתך קא אתיא אמר להו באודנה ותיפוק ליה משום עלוקה בשותת . ת"ר ב' נקבים יש בו באדם אחד מוציא מים ואחד מוציא זרע ואין בין זה לזה אלא כקליפת השום בשעה שאדם נצרך (ומשתין) אם נקבו זה להוך זה נעשה עקר אר"ש בן לקיש מ"ד (דברים ז) לא יהיה בך עקר ועקרה ובבהמתך אימתי לא יהיה בך עקר בזמן שבבהמתך אריב"ל לא יהיה בך עקר שלא יהיה בך עקור מן התלמידים עקרה שלא תהא תפלתך עקורה לפני המקום ואימתי בזמן שאתה משים עצמך כבהמה:

תנן

דרוש שאסור להמתין להטיל מים עד שיהא לו נגיעות : את הוא דאיפשר לך . לפרוס סדין בחבוב אתה ואי לצטרך אינים אחרינא דלא איפשר ליה ימתין עד שילכו העם ויסתכן ויהא עקור : חמתך. חמותך : באודנה . אפי' בתוך אזנה הייתי מטיל מים אם לא היה לי מקום אחר קודם שאמתין וכ"ש בפניה : ותיפוק ליה משום עלוקה . דקתני לעיל בביקש להשתין ולא השתין ונמלא בטנו נגה ממאי דמשום המתנה ה"ל דילמא עלוקה שהיא בקורין שנשואה"ס לפיכך נגה כריסו : בשותת . שאינו יכול להטיל מים יפה לאחר כן אלא שותת טיפין טיפין דודאי מחמת עכוב שתן הוה ליה : בזמן שבבהמתך. שתשים עצמך כבהמה שלא תהא צנוע בהטלת מים : שלא תהא תפלתך עקורה וכו' . כשתפלל על בניך תהא נשמעת תפלתך : כבהמה . שלא תמתין מלהטיל מים :

פַאר צוֵיגֶען אַלֵיילַאךְ צְווִישֶׁען אִים אוּנ דָאס פָאלְק אוּנ עֶר הָאט מַשְׁתִּין גִיוֶועֶן . נָאךְ דֶער דְרָשָׁה הָאט שְׁמוּאֵל דֶער צֵיילְט זַיין פָאטֶער וָואס אִיהם הָאט גִיטְרָאפֶען . הָאט דֶער פָאטֶער גִזָאגְט צוּ שְׁמוּאֵל אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבִּין פִיר הוּנְדֶערְט גִילְדֶען . אוּנ גֵייא זָאג אִין דַיין דְרָשָׁה אַז אֵיינֶער וָוויל מַשְׁתִּין זַיין זָאל עֶר נִיט וַוארְטֶען בִּיז עֶר וֶועט זַיין פַאר שְׁטֶעלְט פוּן מֶענְטְשִׁין . נָאר וואוּ עֶר שְׁטֵייט דָארְט זָאל עֶר מַשְׁתִּין זַיין . ווָארוּם דוּא הָאסְט גִיקֶענְט הֵייסֶען מֶען זָאל פַאר אֵיינְגֶען מִיט אַלֵיילַאךְ . אָבֶּער אַיין אַנְדֶערֶער וָואס קֶען נִיט הֵייסֶען מֶען זָאל פַאר אֵיינְגֶען אוּנ עֶר וֶועט מֵיינֶען אַז מֶען מוּז זַיין פַאר שְׁטֶעלְט . וֶועט עֶר דֶער וַוייל נִיט מַשְׁתִּין זַיין אוּנ עֶר וֶועט זַיין אִין אַסַכָּנָה . דְרִיבֶּער זָאלְסְטוּ זָאגֶען פַאר אַלֶע מֶענְטְשִׁין אַז מֶען דַארְף נִיט זַיין פַר שְׁטֶעלְט . מַר בַּר רַב אַשִׁי אִיז גִישְׁטַאנֶען בַּייא אַבְּרִיק אוּנ הָאט מַשְׁתִּין גִיוֶועֶן . הָאט מֶען גִזָאגְט צוּ אִיהם דַיין שְׁווִיגֶער גֵייט . הָאט עֶר גִזָאגְט וֶוען אִיךְ זָאל נִיט הָאבֶּען קֵיין אַנְדֶער אָרְט מַשְׁתִּין צוּא זַיין נָאר בַּיי אִיר אִין אוֹיעֶר . וָואלְט אִיךְ מַשְׁתִּין גִיוֶועֶן בַּיי אִיר אִין אוֹיעֶר . אוּנ פַאר אִיר מֶעג אִיךְ גֶעווִיס מַשְׁתִּין זַיין . וַוייל דִיא סַכָּנָה פוּן אוֹיף הַאלְטֶען דִיא הַשְׁתָּנָה אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס . פְרֶעגְט דִי גְמָרָא פְרִיעֶר שְׁטֵייט עֶס הָאט גִיטְרָאפֶען בַּיי אֵיינֶעם וָואס עֶר הָאט גִיוָואלְט מַשְׁתִּין זַיין אוּנ הָט נִיט מַשְׁתִּין גִיוֶועֶן אִיז אִים גִישְׁוָואלֶען גִיוָוארֶען דֶער בּוֹיךְ . פוּן וַואנֶען ווֵייסֶען מִיר אַז דֶער בּוֹיךְ אִיז אִיהם גִישְׁוָואלֶען גִיוָוארִין פוּן הַשְׁתָּנָה אוֹיף הַאלְטֶען . טָאמֶער הָאט עֶר גִיטְרוּנְקֶען וַואסֶער אוּנ אִינְוֵוייניג אִיז אַרַיין אַוָוארֶעם פוּן דֶעם אִיז אִיהם דֶער בּוֹיךְ גִישְׁוָואלֶען גִיוָוארִין . עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא אַז דֶער בּוֹיךְ וָואלְט אִיהם גִיוֶועֶן גִישְׁוָואלֶען פוּן אַוָוארֶעם . וָואלְט דִיא הַשְׁתָּנָה גוּט גִיגַאנְגֶען אַזוֹי וִויא בַּיי אַלֶע מֶענְטְשִׁין . אָבֶּער אַז דִיא הַשְׁתָּנָה רִינְט טְרָאפִּינְס וַוייז . אִיז אַצֵייכֶן אַז דִיא הַשְׁתָּנָה אִיז פַר הַאלְטֶען גִיוָוארֶען :

דִי רַבָּנָן הָאבֶּען גִלֶערוּנְט צְווֵיי לֶעכְלַאךְ אִיז דָא אִין דִיא מִילָה . דוּרְךְ אֵיינֶע גֵייט אַרוֹיס הַשְׁתָּנָה . אוּנ דוּרְךְ דִיא אַנְדֶערֶע גֵייט אַרוֹיס דִיא זֶרַע . אוּנ דָאס אָפְּטֵיילוּנְג וָוס צְווִישֶׁען בֵּיידֶע לֶעכְלַאךְ אִיז אַזוֹי דִין וִויא אַשָׁאלַאכְץ פוּן אַקְנָאבִּיל . וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף מַשְׁתִּין זַיין אוּנ עֶר הַאלְט אוֹיף דִי הַשְׁתָּנָה , וֶוערְט דָאס הַייטֶעל גִיזֶעבֶּערְט . אוּנ דֶער מֶענְטְשׁ קֶען שׁוֹין נִיט הָאבֶּען קֵיין קִינְדֶער . רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן לָקִישׁ זָאגְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עֶס וֶועט נִיט זַיין אִין דִיר קֵיין עָקָר אוּנ קֵיין עֲקָרָה אוּנ אִין דֵיינֶע בְּהֵמוֹת . וֶוען וֶועט נִיט זַיין אִין דִיר קֵיין עָקָר אוּנ קֵיין עֲקָרָה אַז דוּא וֶועסְט זַיין אַזוֹי וִויא אַבְּהֵמָה . אַז דוּא וֶועסְט דִיךְ נִיט שֶׁעמֶען מַשְׁתִּין צוּא זַיין אוֹיף יֶעדֶער אָרְט . רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי זָאגְט עֶס וֶועט נִיט זַיין אִין דִיר קֵיין עָקָר מֵיינְט מֶען דִיא וֶועסְט נִיט זַיין קֵיין עָקָר פוּן תַּלְמִידִים . דוּא וֶועסְט הָאבֶּען פִיל תַּלְמִידִים . אוּנ עֶס וֶועט נִיט זַיין אִין דִיר קֵיין עֲקָרָה מֵיינְט מֶען דַיין תְּפִלָּה וֶועט נִיט זַיין אוֹיס גֶערִיסֶען פַאר גָאט . גָאט וֶועט צוּ הֶערִין דַיין תְּפִלָּה . דָאס אִיז נָאר אַז דוּ וֶועסְט דִיךְ מַאכֶען אַזוֹ וִוי אַבְּהֵמָה . דוּ וֶועסְט נָאר

מינה אתא לאשמועינן. בהמיה כיון דרמ"ח אברים הם בשיטה דרובה הוי קב"ה: ציריה. קרדוכ"ס:

(דף מכ) **ג תנן** התם רוב בנינו ירוב מנינו של מת אע"פ שאין בו רובע טמאין . ת"ר

וכו' ואיזהו רוב מנינו קכ"ה א"ל רבינא לרבא תנא מנינא אתא לאשמועינן וכו' א"ר יהודה אמר שמואל מעשה בתלמידיו של ר' ישמעאל ששלקו זונה אחת שנתחייבה שריפה למלך בדקו ומצאו בה רנ"ב א"ל שמא באשה ברקת שהוסיף לה הכתוב ב' צירים וב' דלתות . תניא ר"א אומר כשם שצירים לבית כך צירים לאשה שנא' (ש"א ד) ותכרע ותלד כי נהפכו עליה ציריה ר' יהושע אומר כשם שדלתות לבית כך דלתות לאשה שנא' (איוב ג) כי לא סגר דלתי בטני ר"ע אומר כשם שמפתח לבית כך מפתח לאשה שנא' (בראשית כט) ויפתח את רחמה [לר"ע קשיא דתלמידי ר"י דילמ' איידי דזוטרא אתמוחי מתמח] :

(פ"נ) **ד פיסקא** יתר בידיו וברגליו (שש ושש כ"ד ר' יהודה מכשיר וחכמים פוסלין) א"ר יצחק ושניהם מקרא אחד דרשו (ש"ב כא) ותהי עוד מלחמה וכתיב ויהי

נִיט קֶעהרִין דוּ װֶעסְט דִיךְ נָאר פַאר לָאזֶען אוֹיף גָאט :

ג תָּנַן : מִיר הָאבֶּען גֶילֶערוּנְט אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אִין אַשְׁטוּבּ מֶער וִוי אַהַאלְבֶּער קֶערְפֶּער אַטוֹיטֶער . אָדֶער עֶס אִיז דָא מֶער וִוי הֶעלְפְט גְלִידֶער פוּן אַטוֹיטֶען קֶערְפֶּער . אַפִּילוּ װֶען מֶען זָאל אַרַיין לֵייגֶען דֶעם הַאלְבֶּען קֶערְפֶּער אָדֶער דִיא גְלִידֶער אִין אַמָאס װָעט נִיט זַיין קֵיין פֶערְטֵיל קַב בֵּיינֶער וַקַב אִיז אַזוֹי אַמָאס) ; פוּן דֶעסְט װֶעגִין אִיז אַלְץ וָוס אִין שְׁטוּבּ טָמֵא . דִי רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערוּנְט וִויא פִיל גְלִידֶער אִיז מֶער וִויא הֶעלְפְט . הוּנְדֶערְט מִיט פִינְף אוּנ צְוַואנְצִיג . הָאט רַבִינָא גְזָאגְט צוּ רָבָא קוּמְט דֶער תַּנָא אוּנְז לֶערְנֶען צֵיילֶען . מֶען ווייס דָאךְ אַז אַמֶענְטְשׁ הָאט צְווֵיי הוּנְדֶערְט מִיט אַכְט אוּנ פֶערְצִיג גְלִידֶער . מֶער וִויא הֶעלְפְט אִיז הוּנְדֶערְט מִיט פִינְף אוּנ צְוַואנְצִיג . רַב יְהוּדָה הָאט גְזָאגְט פוּן שְׁמוּאֵלס וֶועגִין עֶס הָאט אַמָאהל גִיטְרָאפֶען אַזוֹנָה הָאט פַר זִינְדִיגְט צוּם מֶלֶךְ . הָאט מֶען גִיפַּסְקֶעט מֶען זָאל זִיא פַר בְּרֶענֶען . הָאבֶּען דִיא תַּלְמִידִים פוּן רַבִּי יִשְׁמָעֵאל גֶענוּמֶען דִי זוֹנָה אוּנ הָאבֶּען זִיא גִיקָאכְט דֶער נָאךְ הָאבֶּען זֵייא אִיר צוּא שְׁנִיטֶען אוּנ הָאבֶּען גִיצֵיילְט אִירֶע גְלִידֶער זֶענֶען זֵייא גִיוֶועזֶען צְווֵיי הוּנְדֶערְט מִיט צְווֵיי אוּנ פוּפְצִיג : הָאט עֶר אִיהם גִיעֶנְטְפֶערְט בַּיי אַאִשָּׁה זֶענֶען דָא פִיר גְלִידֶער מֶער וִויא בַּייא אַזָכָר : צְווֵיי זַאווֶיעֶסְעם אוּנ צְווֵיי טִירֶען צוּ קִינְדֶער הָאבֶּען . מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט רַבִּי אֱלִיעֶזֶר זָאגְט אַזוֹי וִויא עֶס אִיז דָא זַאווֶיעֶסְעם בַּיי אַשְׁטוּבּ . אַזוֹי אִיז דָא זַאווֶיעֶסְעם בַּיי אַאִשָּׁה : אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק זִיא הָאט גֶעקְנִיט אוּנ הָט גִיבָּארִין וָוארוּם עֶס זֶענֶען פַאר קֶערְט גִיוָוארִין אוֹיף אִיר דִי זַאווֶיעֶסְעם : רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ זָאגְט אַזוֹי וִויא עֶס אִיז דָא טִירֶען בַּיי אַשְׁטוּבּ : אַזוֹי אִיז דָא טִירֶען בַּיי אַאִשָּׁה : אַזוֹ וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עֶר הָאט נִיט פַאר שְׁלָאסֶעִי דִיא טִירֶען פוּן מַיין בּוֹיךְ . רַבִּי עֲקִיבָא זָאגְט אַזוֹי וִויא עֶס אִיז דָא אַשְׁלִיסוּל צוּ אַשְׁטוּבּ . אַזוֹי אִיז דָא אַשְׁלִיסוּל צוּ אַאִשָּׁה . אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עֶר הָאט גִיעֶפְנֶט אִיר מוּטֶער לַייבּ . פְרֶעגְט דִי גְמָרָא נָאךְ רַבִּי עֲקִיבָא בַּארְף דָאךְ זַיין בַּיי אַאִשָּׁה צְווֵיי הוּנְדֶערְט מִיט דְרַיי אוּנ פוּפְצִיג גְלִידֶער אוּנ דִיא תַּלְמִידִים פוּן רַבִּי יִשְׁמָעֵאל הָאבֶּען נָאר גִיפוּנֶען צְווֵיי הוּנְדֶערְט מִיט צְווֵייא אוּנ פוּפְצִיג גְלִידֶער . עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא טָאמֶער וַוייל דֶער שְׁלִיסוּל אִיז קְלֵיין אִיז עֶר צוּ קְוֶועטְשְׁט גִיוָוארֶען קָאכֶענְדִיג װֶען זֵיי הָאבֶּען דִי זוֹנָה גִיקָאכְט דְרִיבֶּער הָאבֶּען זֵיי דֶעם שְׁלִיסוּל נִיט גִיזֶעהן :

ד פיסקא . יָתֵר . אַז אַכֹּהֵן הָאט אַפִינְגֶער מֶער אִין דִיא הֶענְט אוּנ אִין דִיא פִיס . עֶר הָאט צוּ זֶעקְס פִינְגֶער צוּ זַאמֶען הָט עֶר פִיר אוּנ צְוַואנְצִיג פִינְגֶער . רַבִּי יְהוּדָה זָאגְט עֶר אִיז כָּשֵׁר צוּ טָאהן דִי עֲבוֹדָה . אוּנ דִי חֲכָמִים זָאגֶען עֶר אִיז פָּסוּל צוּ טָאהן דִיא עֲבוֹדָה . רַבִּי יִצְחָק זָאגְט זֵייא לֶערְנֶען בֵּיידֶע אָפּ פוּן אֵיין פָּסוּק . עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אוּנ עֶס אִיז גִיוֶועזֶען נָאךְ אַמִלְחָמָה אִיז גִיוֶועזֶען אִין דֶער מִלְחָמָה אַהוֹיכֶער מֶענְטְשׁ וָואס מֶען הָאט אִיהם גִירַארְפְט סֶעסְטֶין אוּנ דִיא פִינְגֶער פוּן זַיינֶע הֶענְט אוּנ דִיא פִינְגֶער פוּן זַיינֶע פִיס זֶענֶען גִיוֶועזֶען צוּא זֶעקְס .

(שס) ויהי איש מדון ואצבעות ידיו ואצבעות רגליו שש ושש מר סבר בגנותיה משתעי מר סבר בשבחיה משתעי וכו׳. תניא א״ר יהודה מעשה באדם אחד שבא לפני ר׳ טרפון יתר בידיו וברגליו שש ושש עשרים וארבע א״ל כמותך יו״בו בישראל א״ל ר׳ יוסי משם ראיה כך א״ל כמותך יתמעטו ממזרי ונתיני מישראל:

ה פיסקא קפח וכו׳ פסולים באדם תני רב זביד גבוה איני והתני רבי אבהו מנין שהקב״ה משתבח בבעלי קומה שנא׳ (עמ ס ג) ואנכי השמדתי את האמורי מפניהם אשר כגבה ארזים גבהו א״ר פפא באריכא שמיטא סגיא אמר ר״ל גבוה לא ישא גבוהית שמא יצא מהן תודן ננס לא ישא ננסת שמא יצא מהן אצבעי לבן לא ישא לבנה שמא יצא מהם בוהק׳ שחור לא ישא שחורה שמא יצא מהם טפות:

כמותך יתמעטו ממזרי ונתיני מישראל. כל ממזרים שבישראל: יהיו כמותך ויהיו ניכרין שמטפס פסולה הן ולא ידבקו בהן:
באריכא שמיטא סגיא. דארוך הוא ודק שאינו עב לפי ארכו ולפי שדק הוא אינו יכול לסבול קומתו ונכפף ונראה כמי שאוליותיו שמוטות:
בסק. שלבן ביותר: טפות. בהור כקדרה והבינו בבלשי מסכת שבת ופקקו את המאור בטפית:
ליטרין. מנין דהוא כ״ה סלעים: קנתירין. ק׳ סלעים

א״ר

דיא חכמים זאגען דער פסוק שמועסט פון זיין שענדליכקייט. ווייל ער האט גיהאט צו זעקס פינגער דריבער איז ער גיוועז מיאוס. דריבער אכהן וואס האט צו זעקס פינגער איז אויך ניט שיין ער זאל מקריב זיין קרבנות. אונ רבי יהודה האלט דער פסוק לויבט איהם ער הט גיהאט מער פינגער איז ער גיוועז שטארקער. אונ אכהן דארף אויך זיין שטארק. דריבער אכהן מיט זעקס פינגער מעג אויך מקריב זיין קרבנות. מיר האבען גילערונט רבי יהודה האט גזאגט אמענטש וואס האט גיהאט צו זעקס פינגער אין דיא הענט אונ אין דיא פיס צו זאמען פיר איב צוואנציג פינגער איז ער געקומען פאר רבי טרפון. האט רבי טרפון צו איהם גזאגט אזעלכע מענטשין וויא דוא זאל זיין פיל ביי יודען. זעהן מיר דאך אז עס איז גוט אז מען האט זעקס פינגער. האט רבי יוסי גזאגט צו רבי יהודה פון דארט ווילסטו ברייננגען אבעווייזונג. ניט אזוי האט רבי טרפון צו איהם גזאגט. נאר אזוי האט ער גזאגט אלע ממזרים פון יודען זאלען זיין אזוי ווי דו. וועט מען זיי דער קענען אז זיי זענען ממזרים וועט מען זיך ניט מתחתן זיין מיט זיי. וועלין זיין ווייניג ממזרים אונ נתינים ביי יודען:

ה פיסקא. קפח. אכהן וואס ער איז אקפח טאר ער ניט מקריב זיין קרבנות. רב זביד האט גילערונט קפח מיינט מען אהויכער. פרעגט די גמרא עס איז דאך ניט אזוי ווארום רבי אבהו האט גילערונט פון וואנען ווייסען מיר אז גאט בערימט זיך מיט די הויכע מענטשין. ווארום עס שטייט אין פסוק איך האב פאר טיליגט דעם אמורי פאר זייא וואס זיין הייך איז אזוי וויא דיא הייך פון דיא טענענבוימער. האט רב פפא גזאגט אהויכער מענטש אונ אגראבער איז מאקי שיין. אבער אהויכער אונ אדינער אונ ווייל ער איז צוא הויך דריבער גייט ער איין גיבויגען. דאס איז מאקי אפעלער. ריש לקיש זאגט אהויכער זאל ניט נעמען אווייב אהויכע. ווארום דיא קינדער וואס וועלין פון זייא גיבארען ווערין וועלין זיין הויכע וויא דער זאגעל פון אשיף. אנידעריגער זאל ניט נעמען אווייב אנידעריגע. ווארום דיא קינדער וואס וועלען פון זיי גיבארען ווערין וועלן זיין קליין וויא די פינגער. אווייסער זאל ניט נעמען אווייב אווייסע. ווארום די קינדער ווס וועלין פון זיי גיבארען ווערין וועלין זיין צו שטארק ווייס. אשווארצר זאל ניט נעמען אווייב אשווארצע. ווארום דיא קינדער וואס וועלין פון זייא גיבארען ווערין וועלען זיין שטארק שווארץ אזוי ווי אטאפ:

כל שקל: דכתיב עובר לסוחר: שבכל מקום שיש סוחרין מקבלין אותו בתורת שקלים: ואיכא דוכתא דקרי. לתקלא דידהו קנטירא שגדול כמדת קנטירא הילכך קנטירא יהיב ליה: מפני כספה של ירושלים. שהיה בלשכה והוא של הקדש ואסור לזרים וכשלקחוה נכרים ערבוהו עם זהבם: והללוה. משמע כיון שבאו פריצים נפק לחולין: הויא רובא דעלמא. בתמיה דעליה בעי למיתסר כל זהב שבעולם: דינרא הדריאנא טוריאנא שיפא. אלו הין מטבעות ירושלים ורובן של אלו מירושלים באו

יש בכור פרק שמיני

(דף נ) **א** א״ר חנינא כל כסף האמור בתורה סתם סלעין דנביאים ליטרין דכתובים קנתירין חוץ מכספו של עפרון שאע״פ שכתוב בתורה סתם קנתירין דכתיב (בראשית כג) ארבע מאות שקל כסף עובר לסוחר ואיכא דוכתא דקרו לקנטירא תיקלא. א״ר אושעיא בקשו לגנוז כל כסף וזהב שבעולם מפני כספה וזהבה של ירושלים עד שמצאו לו מקרא מן התורה שמותר דכתיב (יחזקאל ז) ובאו בה פריצים וחללוה וירושלים הויא רובא דעלמא אלא אמר אביי בקשו לגנוז דינרא הדריאנא טוריאנא שיפא מפני טבעה של ירושלים עד שמצאו לו מקרא מן התורה שהוא מותר שנא׳ ובאו בה פריצים וחללוה:

א״ר

פרק שמיני

א אָמַר. רַבִּי חֲנִינָא הָאט גְזָאגְט וואוּ עֶס שְׁטֵייט אִין דֶער תּוֹרָה כֶּסֶף מֵיינְט מֶען טָאלֶערְס. אוּנ וואוּ עֶס שְׁטֵייט אִין נְבִיאִים כֶּסֶף מֵיינְט מֶען פוּנְטֶען. אַפוּנְט זִילְבֶּער. דָס אִיז פִינְף אוּנ צְוַואנְצִיג טָאלֶער. אוּנ וואוּ עֶס שְׁטֵייט אִין כְּתוּבִים כֶּסֶף מֵיינְט מֶען קַנְתִּירִין (אַקַנְתִּיר אִיז הוּנְדֶערְט טָאלֶער) אוֹיסֶער דָאס גֶעלְט וָואס אַבְרָהָם הָאט גִיגֶעבֶּען צוּא עֶפְרוֹן אֲפִילוּ עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין דֶער תּוֹרָה עֶר הָאט אִיהם גִיגֶעבֶּן כֶּסֶף. פוּן דֶעסְטְוֶועגִין מֵיינְט מֶען קַנְתִּירִין. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין דֶער תּוֹרָה אַבְרָהָם הָאט גִיגֶעבֶּען צוּא עֶפְרוֹן פִיר הוּנְדֶערְט שֶׁקֶל כֶּסֶף וָואס אַלֶע סוֹחֲרִים פוּן דֶער וֶועלְט נֶעמֶען דָאס פַאר אַשֶׁקֶל כֶּסֶף: אוּנ עֶס אִיז דָאךְ דָא אֶלְטֶער וָוס אַשֶׁקֶל בַּטְרֶעפְט אַקַנְתִּיר (הוּנְדֶערְט טָאלֶער). הָט אַבְרָהָם אִיהם גִיגֶעבִּין גְרוֹיסֶע שְׁקָלִים וָואס יֶעדֶער שֶׁקֶל בַּטְרֶעפְט אַקַנְתִּיר (הוּנְדֶערְט טָאלֶער):

רַבִּי אוֹשַׁעְיָא זָאגְט מֶען הָאט גִיוָואלְט בֶּעהַאלְטֶען אַלֶע זִילְבֶּער אוּנ גָאלְד וָואס עֶס אִיז דָא אִין דֶער וֶועלְט. וַוייל אִין זַייא אִיז אַרַיין גֶעמִישְׁט דִי גָאלְד אוּנ זִילְבֶּער פוּן בֵּית הַמִקְדָּשׁ וָואס זַייא זֶענֶען הֵיילִיג אוּנ מֶען טָאר נִיט הֲנָאָה הָאבֶּען פוּן זַייא וָוארוּם וֶוען דִיא גוֹיִם הָאבֶּען חָרוּב גֶעמַאכְט דֶעם בֵּית הַמִקְדָּשׁ הָאבֶּען זַייא אַרוֹיס גֶענוּמֶען דִיא גָאלְד אוּנ זִילְבֶּער פוּן בֵּית הַמִקְדָּשׁ אוּנ הָאבֶּען דָאס אוֹיס גֶעמִישְׁט מִיט זַייעֶרֶע גָאלְד אוּנ זִילְבֶּער אוּנ דָאס אִיז אַוֶועק גִינַאנְגֶען אִין דֶער וֶועלְט). בִּיז דִיא חֲכָמִים הָאבֶּען גִיפוּנֶען אַפָּסוּק אִין דֶער תּוֹרָה אַז מֶען מֶעג הֲנָאָה הָאבֶּען פוּן דִיא גָאלְד אוּנ זִילְבֶּער וָואס אִין דֶער וֶועלְט. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עֶס זֶענֶען גִיקוּמֶען אִין בֵּית הַמִקְדָּשׁ גוֹיִם וְחִלְּלוּהָ. אוּנ זַייא הָאבֶּען גִימַאכְט אַרְץ אוֹיס הֵיילִיג. וִויא דִיא גוֹיִם זֶענֶען אַרַיין גִיקוּמֶען אִין בֵּית הַמִקְדָּשׁ אִיז אַוֶועק גִיגַאנְגֶען דִיא הֵיילִיגְקֵייט פוּן אַלֶע זַאכֶען. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא אִיז הֶען יְרוּשָׁלַיִם דָאס מֶערְסְטֶע פוּן דֶער וֶועלְט. וָואס דוּרְךְ דִיא גָאלְד אוּנ זִילְבֶּער פוּן יְרוּשָׁלַיִם זָאל מֶען וֶועלִין אַסְרִין דִיא גָאלְד אוּנ זִילְבֶּער פוּן דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט. הָאט אַבַּיֵי גְזָאגְט אַזוֹי אִיז גִיוֶוען מֶען הָאט גִיוָואלְט בֶּעהַאלְטֶען דִיא רֶענְדְלַאךְ הַדְרִיאַנִי טוּרִיאַנִי שִׁיפָא. וַוייל זַייא זֶענֶען גִיוֶוען מַטְבְּעוֹת פוּן יְרוּשָׁלַיִם. בִּיז דִיא חֲכָמִים הָאבֶּען גִיפוּנֶען אַפָּסוּק אִין דֶער תּוֹרָה אַז מֶען מֶעג. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עֶס זֶענֶען גִיקוּמֶען אִין בֵּית הַמִקְדָּשׁ גוֹיִם אוּנ הָאבֶּען גִימַאכְט אַרְץ אוֹיס הֵיילִיג:

מעשר בהמה פרק תשיעי

(דף נה) **א** א"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן למה נקרא שמו ירדן שירד מדן א"ל רבי אבא לרב אשי אתון מהתם מתניתו לה אנן מהכא מתנינן לה (יהושע יט) ויקראו ללשם דן כשם דן אביהם . וא"ר יצחק לשם זה פמיאס ותניא ירדן יוצא ממערת פמיאס :

ב אמר רב יהודה אמר רב כל הנהרות למטה מג' נהרות וג' נהרות לכטה מפרת והאיכא (ע"ב) עינתא דמידליין אמר רב משרשיא הנהו סולמי דפרת נינהו והכתיב (בראשית ב) והנהר הרביעי הוא פרת אר"נ בר יצחק ואיתימא רב אחא בר יעקב הוא פרת דמעיקרא תניא רבי מאיר אומר יובל שמו שנא' (ירמיה יז) והיה כעץ שתול על מים ועל יובל ישלח שרשיו ולמה נקרא שמו פרת שמימיו פרים ורבים כסייע ליה לשמואל דאמר שמואל

מדן . שם מקום : אהון . מדוקיא דשמא דינד מהניהו לה :
ממערת פמיאס אלמא מדן אתי (ואע"ג דבימי משה נקרא ירדן ולבם נקרא דן מימי יהושע נקרא ע"ש העתיד כמו חדקל כדאיתא בכתובות פ"ק מהרש"א) :
כל הנהרות שבעולם למטה חוץ מג' נהרות הדקל ופישון וגיחון שכל הנהרות שבעולם באים מהם:
עינתא דמדליין : עינות מים הנובעות בהרים למים והנהו הוו גבוהים מפרת והיכי אתו מפרת : סולמי. מקלחין תחת הקרקע ועולין בהרים כמו סולם : והנהר הרביעי. דכחד מיניהו חשיב להו ולא אמרת דמיניה קאתו : הוא פרת דמעיקרא. הוא פרת הנזכר לעיל והנהר יוצא מעדן וגו' שהג' נפרדים ממנו : יובל שמו . של פרת ועל יובל ישלח שרשיו וגו' כעץ החיים מבעי קרא ועץ החיים בגן העדן הוא ופרת הוא המשקה גן עדן : פרין ורבין . שגדל

פרק תשיעי

א אמר . רבי חייא בר אבא האט גזאגט פון רבי יוחנן'ס וועגן פאר וואס רופט מען דעם טייך ירדן . ווייל די וואסער נידערט פון דן . האט רבי אבא גזאגט צו רב אשי איר לערונט אפ פון דעם נאמען ירדן אז די וואסער נידערט פון דן . מיר לערנען אפ פון אפסוק אז די וואסער פון ירדן גייט פון דן . ווארום עס שטייט אין פסוק מען האט גירופען די שטאט לשם דן . אזוי ווי דער נאמען פון זייער פאטער דן . אונ רבי יצחק האט גזאגט לשם דאס איז פמיאס . אונ מיר האבען גילערונט אין פמיאס איז דא אקעלער פון דעם קעלער גייט ארויס די וואסער פון ירדן :

ב אמר . רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגן אלע טייכען פון דער וועלט זענען נידעריגער פון די דרייא טייכען (חדקל פישון גיחון) . אונ פון די דרייא טייכען ציהען זיך די וואסער אין אלע טייכען פון דער וועלט . אונ די דרייא טייכען זענען נידעריגער ווי דער טייך פרת . אונ פון טייך פרת גייט ארין די וואסער אין די דרייא טייכען . קומט אויס אז אלע וואסערין פון דער וועלט קומען פון טייך פרת . פרעגט די גמרא עס איז דאך דא קוואלען וואס זענען אויף בערג וואס זענען העכער ווי דער טייך פרת . ווי אזוי קומט אין די קוואלען די וואסער פון פרת . האט רב משרשיא גזאגט די וואסער פון פרת גייט אונטער דער ערד אויף אלע בערג אזוי ווי מען גייט אויף אלייטער אונ עס ווערט פילט מיט וואסער אלע קוואלן . פרעגט די גמרא עס שטייט דאך אין פסוק אונ דער פערטער טייך איז פרת . רעכנט מען דאך פרת גלייך מיט אלע טייכען . האט רב נחמן בר יצחק גזאגט . אנדערע זאגען רב אחא בר יעקב האט גזאגט אזוי מיינט מען דער פערטער טייך איז פרת וואס ער איז דער ערשטער טייך וואס גייט ארויס פון גן עדן . אונ פון איהם זענען צוא טיילט גיווארען נאך דריי טייכען וואס ער גיסט ארין די וואסער אין זיי . דריי טייכען זענען חדקל גיחון פישון . מיר האבען גילערונט רבי מאיר זאגט דער נאמען פון פרת איז יובל . ווארום עס שטייט אין פסוק אונ ער וועט זיין אזוי ווי אבוים וואס ער איז גיפלאנצט אויף וואסער אונ אויף דעם טייך יובל טוהט ער אויס שפרייטען זיינע ווארצלען . דעם בוים מיינט מען דעם עץ החיים וואס אין גן עדן . אונ דער טייך פרת וואס מען רופט איהם יובל טרינקט אן דעם גאנצען גן עדן . פאר וואס רופט מען דעם טייך פרת . ווייל די וואסער שטארקט זיך פון זיך אליין אפילו אן

שמואל נהרא מכיפיה מיבריך ופליגא דרב דא"ר אמי אמר רב מיטרא במערבא סהדא רבא פרת:

(דף נה ע"ב) **ג העיד** ר' ישמעאל בן סתריאל מערקת לבנה לפני רבי חזרית שבמקומנו יש להם ששים רבוא קלפין (יתוש שבמקומנו יש לו ס' רבוא קלפין) בבית המסס שלו פעם אחת נפל ארז במקומנו ועברו י"ו קרנות על חודו פעם אחת נפלה ביצת בר יוכני וטבעה ס' כרכים ושברה ש' ארזים ומי שדיא ליה והכתיב (איוב לט) כנף רננים נעלסה א"ר אסי ההיא מוזרתא הוה:

(דף נח) **ד תניא** בן עזאי אומר כל חכמי ישראל דומים עלי כקליפת השום חוץ מן הקרח הזה:

אמר

פירוש

מרבה בלא שום מטר: סהדא רבה פרת. פרת יורד מא"י לבבל והגשמים יורדים בא"י סהדא בה נהר פרת בבבל שירדו גשמים במערבא לפי שגדל מחמת הגשמים:

מערקת לבנה. שם מקום: חזרית. ירק שלועזים לימוג"א (כמו חזרת מהפך מאכל: קלפין. בלין קליפות של עלין): בבית המסס. לפי"ל שכולו עשוי קליפות קליפות היינו אותן עלין קטנים כמו אשר עלמו שיש בתוך המסס של בהמה בל"א מענקוול"ט: על חודו. י"ו קרנות זו אצל זו עברו על עביו (עץ שנפל שהיה עביו חד ועגול וכ"ש אם היה משופע בנסורת כעין נסר היה עדיין רחב יותר): בר יוכני. עוף גדול: וטבעה ששים כרכים. אלבון ואלמון שלה: ומי שדיא לה. בר יוכני ביצתה לאיבוד: והכתיב כנף רננים נעלסה. ודרשינן נעלסה נוטריקון במסכת מנחות בפרק ר' ישמעאל נושא עולה ומתחטא נושא ביצתה שאע"פ שכבדה היא יש בה כח לנשאה ועולה עד קנו ומורידה לאט בנחת. מתחטא לשון ירידה וכן אמר הקב"ה לאיוב וכי ברחת כנפים משובחות לאותו בר יוכני שיש בהן כח כל כך שנושא ביצה גדולה ומגביהה למעלה ומורידה בנחת בקינם אלמלא דלא שדיא ליה: ההיא: ביצה שנפלה: מוזרתא הויא. מוזרתא שאין אפרוח גדל בה והשליכתה מדעתה: חסרה כזה. ר"ע היה קרח דרבי יהושע בן קרחה הוא בני יהושע בר ר"ע דאמ' בשבועות שאל ר' יהושע בנו של ר"ע את ר"ע ע"כ:

לאמר

רעגין. און דאס איז אזוי וויא שמואל האט גיזאגט אז דער טייך פרת ווערט גיבענשט פון זיין איינגענעם קוואל. און ער קריגט אויף רב. ווארום רבי אמי האט גזאגט פון רבס וועגין אז מען וויל וויסען אין בבל אויב אין ארץ ישראל איז גיגאנגען רעגין. זאל מען זעהן דעם טייך פרת וואס ער גייט פון ארץ ישראל אויב דער טייך פרת איז גרויס גיווארין. איז א סימן אז אין ארץ ישראל האט גירעגינט. וועהן מיר אז דער טייך פרת ווערט גרויס פון רעגין:

ג העד. רבי ישמעאל בן סתריאל פון דער שטאט ערקת לבנה האט עדות גיזאגט פאר רבי. אז די ערדענע פרי וואס הייסט חזרת וואס וואקסט אין אונזער שטאט. הט זעקס מאהל הונדערט טויזענד שאלאכצין איינע אויף די אנדערע. און דער שרץ וואס הייסט יתוש וואס ער געפינט זיך אין אונזער שטאט איז דא זעקס מאהל הונדערט טויזענד הויטען איינע אויף דיא אנדערע אויף זיין קישקע וואס אינוויינינג ליגט דאס עסין:

אמאהל איז ביי אונז איין גיפאלען אטענען בוים. וועגען גיפארען זעכצעהן פורען אין דער ברייט מיט איין מאהל אויף די גרעב זיינע. וואס די גרעב איז קיילעכדיג. און אז דר בוים וואלט גיוועזען פאר גלייכט אזוי ווי א ברעט וואלטין גיקענט נאך מער פורען פארין אויף די גרעב:

אמאהל איז אראפ גיפאלען אאיי פון דיא פויגיל וואס הייסט בר יוכני. האט דיא איי דער טרונקען (מיט איהר וואסיל און געלביל) זעכציג שטעט און האט צו בראכען דריי הונדערט טענען בוימער: פרעגט דיא גמרא ווארפט דען דער פויגיל בר יוכנא זיינע אייער אויף דער ערד. עס שטייט דאך אין פסוק כנף רננים נעלסה. די שפיר פויגיל בר יוכני האט שטארקע פליגול אז זיא קען טראגען אזוי אגרויסע איי אויף איהרע פליגול און זיא פאמעלאך ליגין אויף איהר נעסט. וועהן מיר דאך אז דיא בר יוכני היט איהרע אייער זייא זאלען ניט אראפ פאלען. האט רב אסי גיזאגט דיא בר יוכנא היט נאר איהרע אייער ווען זייא זענען גוט. עס קען ווערין פון זייא לעבעדיגע פייגעלאך. אבער די איי וואס איז אראפ גיפאלען איז גיוועזען אשלעכטע. און זיא האט אליין אראפ גיווארפען:

ד תניא. מיר האבען גילערונט בן עזאי זאגט אלע יודישע חכמים זענען גענגין מיר גלייך וויא אשאלאכין פון אקנאביל. אויסער דער גאלער קאפ. דאס איז רבי עקיבא. ער איז דער גרויסער למדן:

מסכת ערכין פרק ראשון

(דף ו) **א אמר** רב נחמן אמר רבה בר אבוה אמר רב האומר סלע זו לצדקה מותר לשנותה בין לאחר בין לעצמו בין אמר עלי בין אמר ה"ז. ת"ר סלע זו לצדקה עד שלא באת ליד גבאי מותר לשנותה משבאת ליד גבאי אסור לשנותה (שם ע"ב) איני והא ר' ינאי יזיף ופרע שאני ר' ינאי דניחא להו לעניים דכמה דמשהי מעשה ומייתי להו. ת"ר ישראל שהתנדב מנורה או נר לב"ה אסור לשנותה סבר ר' חייא בר אבא למימר לא שנא לדבר הרשות ולא שנא לדבר מצוה א"ל ר' אמי הכי א"ר יוחנן לא שנו אלא לדבר הרשות אבל לדבר מצוה מותר לשנותה:

לאחר. להלוותה לאחר: לעצמו. לצרכיו ולאחר זמן יחזירם: רבי ינאי. גבאי היה ויזיף מעות מצדקה לצרכו ופרע: דכמה דמשהי. רבי ינאי דלית ליה אזי למפרע ניחא להו לעניים: דמעשה. רבי ינאי לגבור ואמר דלית ליה מעות לחלק לעניים וכופה אותם לצדקה ואיכא רווחא לעניים: אמר רב יהודה אלמלא וכו' כדמפרש לקמן במאי

אין נערכין פרק שני

(דף ח ע"ב) **א כתיב** (תהלים לו) צדקתך כהררי אל וגו' אמר רב יהודה אלמלא צדקתך

פרק ראשון

א אָמַר. רב נַחְמָן האט גיזאָגט רַבָּה בַּר אֲבוּהוּ האט גיזאָגט פון רבס וועגן אז איינער האלט אין האנט אַטאָלער און ער זאָגט דער טאָלער זאָל גיגעבן ווערין אויף צְדָקָה. מעג ער ענדערין. ער מעג פאר בּאָרגין צו איינעם דעם טאָלער אָדער ער מעג אויס געבּין דעם טאָלער פאר זיך. און אויף צְדָקָה וועט ער געבּין איין אנדער טאָלער. סיי ער האט גיזאָגט איך נעם אויף מיר איך זאָל געבין אַטאָלער צְדָקָה. און סיי ער האט גיזאָגט דער טאָלער זאָל זיין אויף צְדָקָה. מעג ער דער ווייל אויס געבּין דיא געלט וואָס ער האט. און אויף צְדָקָה וועט ער געבּין איין אנדער טאָלער. דיא רַבָּנָן האבען גילערונט אז איינער האלט אַטאָלער און ער זאָגט דער טאָלער זאָל צו טיילט ווערין אויף צְדָקָה. איידער ער האט גיגעבּין דעם טאָלער צום גַבַּאי. מעג ער אויס געבּין דעם טאָלער פאר זיך. און אויף צְדָקָה וועט ער געבּין איין אנדער טאָלער. אָבער אז ער האט שוין גיגעבּין דעם טאָלער צום גַבַּאי פון צְדָקָה. טאָר מען שוין ניט ניצען דעם טאָלער צו קיין זאך. נאָר מען מוז איהם צו טיילען צו אָרעמע לייט. פרעגט דיא גְמָרָא עס איז דאָך ניט אַזוי רַבִּי יַנַאי איז דאָך גיוועזן אַגַבַּאי פון צְדָקָה פלעגט ער בּאָרגין פון צְדָקָה געלט און פלעגט אויס געבּין פאר זיך. און דער נאָך פלעגט ער בּצאָהלין. ענטפערט דיא גְמָרָא ביי רַבִּי יַנַאי איז גיוועזן אנדערש. דיא אָרעמע לייט האבען גיוואָלט אז רַבִּי יַנַאי זאָל בּאָרגען די צְדָקָה געלט. ווען אין דיא קאסע פון צְדָקָה ניט זיין קיין געלט. וועט ער נייטען דיא בַּעֲלֵי בַּתִּים זייא זאָלען געבּין געלט אויף צְדָקָה. דער נאָך אז רַבִּי יַנַאי האט בּצאָהלט. איז מיט איין מאָהל גיוואָרען פיל געלט אין די קאסע:

דיא רַבָּנָן האבען גילערונט אז אַיוּד האט גיזאָגט דער לייכטער אָדער דיא ליכט זאָל איך געבּין אין שוהל. טאָר ער ניט ניצען דעם לייכטער אָדער דיא ליכט צו קיין אנדער זאך. האט רַבִּי חִיָיא בַּר אַבָּא גיוואָלט זאָגין אז דעם לייכטער אָדער דיא ליכט טאָר מען ניט ניצען ניט פאר זיך און ניט צו אַמִצְוָה. האט רַבִּי אַמִי גיזאָגט אַזוי האט גיזאָגט רַבִּי יוֹחָנָן פאר זיך טאָר ער זיי ניט ניצען. אָבער צו אַמִצְוָה מעג ער זיי ניצען:

פרק שני

א כְּתִיב. עס שטייט אין פסוק צִדְקָתְךָ כְּהַרְרֵי אֵל מִשְׁפָּטֶיךָ תְּהוֹם רַבָּה. האט רב יְהוּדָה גיזאָגט.. זוי מיינט דער פסוק ווען דיינע צְדָקוֹת וואלטען ניט גיוועזן גרויס ווי די גרויסע בּערג.

צדקתך כהררי אל מי יכול לעמוד לפני משפטיך תהום רבה רבה אמר צדקתך כהררי אל מפני שמשפטיך תהום רבה במאי קא מיפלגי בדר' אלעזר ור' יוסי בר חנינא דאיתמר ר' אלעזר אומר כובש ור' יוסי בר חנינא אומר נושא רבה כרבי אלעזר ורב יהודה כר' יוסי בר חנינא:

(דף י) **ב** **א"ר** יוחנן משום ר"ש בן יהוצדק י"ח ימים יחיד גומר בהם ההלל ח' ימי החג וח' ימי חנוכה וי"ט ראשון של פסח וי"ט של עצרת ובגולה כ"א ט' ימי החג שמונה ימי חנוכה וב' י"ט של פסח וב' י"ט של עצרת מאי שנא בחג דאמרינן כל יומא ומאי שנא בפסח דלא אמרינן (ע"ב) כל יומא דחג חלוקין בקרבנותיהן פסח אין חלוקין בקרבנותיהן שבת דחלוקה בקרבנותיה לימא

פניני: כובש. כשהקב"ה שוקל מעשיו של אדם כשהן מחצה על מחצה תופש מן העונות וכובשן במצולות ים כמו שנאמר ישוב ירחמנו יכבוש עונותינו: נושא. נותן ידו למטה מן העונות וכובשן למעלה כדי שיכריעו הזכיות כמו שנאמר נושא עון ופלוגתא דרבי אלעזר ורבי יוסי בר חנינא במסכת ר"ה רבה דאמר כר"א והכי משמע צדקתך כהלא עלים כהררי אל מפני שאתה כובש לעונות בתהום רבה ורב יהודה כרבי יוסי בר חנינא והכי משמע אלמלא צדקתך שאתה מגביה העונות למעלה כהררי אל מי יוכל לעמוד בפניהם מפני שהן מכריעין למטה עד תהום רבה:

ימי החג חלוקים בקרבנותיהן. דפרי החג מתמעטין/

ווער וואלט געקענט בשטיין ביי דיין משפט וואס ער איז טיף ביז צום גרויסען אבגרונד. רבה זאגט אזוי מיינט דער פסוק דיינע צדקות זענען גרויס וויא דיא גרעסטע בערג. ווייל דיין משפט איז טיף ביז צום גרויסען אבגרונד. פרעגט דיא גמרא אין וואס קריגען זייא. ענטפערט דיא גמרא זיי קריגען אין דער זעלביגע זאך וואס רבי אלעזר מיט רבי יוסי בר חנינא קריגען. וואראום מיר האבען גילערנט רבי אלעזר זאגט כובש. ווען גאט נעמט משפטין דעם מענטשין אונ ער וועגט די מצות מיט די עבירות. אויב עס וועגט גלייך די מצות געגין די עבירות: נעמט גאט אראפ אביסעל עבירות אונ ווארפט זייא אריין ביז צום אבגרונד. זענען שוין דיא מצות מער וויא דיא עבירות. אונ רבי יוסי בר חנינא זאגט נושא. אז די מצות זענען גלייך מיט די עבירות האלט גאט די האנט אונטער דיא שאל מיט די עבירות אונ ער הייבט זיא אויף. גייט אראפ דיא שאל מיט דיא מצות נידעריג. ווערט אויס מצות מער וויא עבירות. רבה האלט וויא רבי אלעזר אונ טייטשט אזוי דעם פסוק. דיינע צדקות זענען וויא די גרעסטע בערג. ווייל דוא נידערסט אראפ דיין משפט (דאס מיינט מען די עבירות) אין דעם אבגרונד אונ בעהאלטסט זייא. אונ רב יהודה זאגט וויא רבי יוסי בר חנינא דריבער טייטשט ער אזוי דעם פסוק. ווען עס וואלט ניט גיוועזן דיינע צדקות (דוא זאלסט אויף הייבען דיא שאל מיט עבירות אין דיא הייך) אזוי וויא דיא הויכע בערג. ווער וואלט געקענט בשטיין געגין דיין משפט אויף דיא עבירות. וואראום דיא עבירות וואלטין גיבריינגט דעם מענטשין ביז אין טיפען אבגרונד:

ב אמר. רבי יוחנן האט גיזאגט פון רבי שמעון בן יהוצדק ווענין אכטצעהן טאג אין יאהר דארף יעדער מענטש זאגין גאנץ הלל. אכט טעג סוכות. אכט טעג חנוכה. דעם ערשטען טאג פסח. דעם איין טאג שבועות. אונ היינט אין גלות (אין חוץ לארץ) זאגט מען איין אונ צוואנציג טעג גאנץ הלל. ניין טעג סוכות. אכט טאג חנוכה. דיא ערשטע צוויי טעג פסח. אונ צווייא טעג שבועות. פרעגט דיא גמרא פאר וואס סוכות זאגט מען אלע טאג גאנץ הלל. אונ פסח זאגט מען ניט אלע טאג גאנץ הלל. ענטפערט דיא גמרא ווייל סוכות איז מען יעדער טאג מקריב אנדערע קרבנות. דיא קרבנות וואס מען איז מקריב איין טאג איז ניט גלייך צו דיא קרבנות וואס מען איז מקריב דעם אנדערין טאג. דריבער איז יעדער טאג אבאזונדער יום טוב. דארף מען זאגין יעדער טאג גאנץ הלל. אבער פסח זענען דיא קרבנות פון יעדער טאג גלייך. איז גאנץ פסח איין יום טוב. דריבער איז גענוג אז מען זאגט נאר דעם ערשטין טאג גאנץ הלל. פרעגט דיא גמרא די קרבנות פון שבת זענען דאך אנדערש וויא דיא קרבנות פון דער וואכין; זאל מען שבת זאגין הלל. ענטפערט דיא גמרא שבת ווערט ניט גירופען יום

לימא לא איקרי מועד ר"ח דאיקרי מועד לימא לא איקדש בעשיית מלאכה דכתיב (ישעיה ל) השיר יהיה לכם כליל התקדש חג לילה המקודש לחג טעון שירה ושאין מקודש לחג אין טעון שירה ר"ה וי"ה דאיקרו מועד ואקדוש בעשיית מלאכה לימא משום דר' אבהו דא"ר אבהו אמרו מה"ש לפני הקב"ה רבש"ע מפני מה אין אומרים ישראל שירה לפניך בר"ה וי"ה א"ל אפשר מלך יושב על כסא דין וספרי חיים וספרי מתים פתוחין לפניו וישראל אומרים שירה לפני והא חנוכה דלא הכי ולא הכי וקאמרינן משום ניסא לימא משום ניסא פורים דאיכא ניסא לימא א"ר יצחק לפי שאין אומרים שירה על נס שבחוץ לארץ מתקיף לה רב נחמן בר יצחק והרי יציאת מצרים דנס שבח"ל הוא ואמרינן הלל כדתניא עד שלא נכנסו לארץ הוכשרו כל הארצות לומר שירה משנכנסו לארץ לא הוכשרו כל הארצות לומר שירה רב נחמן אמר קריאתה זו הלילא רבא אמר בשלמא התם הללו עבדי ה' ולא עבדי פרעה הכא הללו עבדי ה' ולא עבדי אחשורוש

אכתי

וגומרין: ר"ח דאיקרי מועד. דכתיב קרא עלי מועד בפרק כתרא דהשבים המזה דבסגל שתא מלוה מלאה דכתיב קרא עלי מועד: בליל. התקדש. בעשיית מלאכה: קריאתה. קריאת המגילה:

טוב. פרעגט די גמרא ראש חודש זענען דאך די קרבנות אנדערש ווי אלע טאג און עס ווערט גירופין יום טוב. זאל מען זאגין גאנץ הלל. ענטפערט די גמרא ווייל ראש חודש מעג מען טאהן מלאכה. הייסט דאס נים קיין יום טוב. ווארום עס שטייט אין פסוק דער געזאנג פון הלל וועט זיין ביי אייך אזוי ווי די נאכט וואס איז גיהייליגט גיווארין צו יום טוב. די נאכט וואס איז גיהייליגט גיווארין צו יום טוב. מען זאל נים ארבעטין קיין ארבעט. דארף מען זאגין הלל. אבער אז עס איז נים גיהייליגט צו יום טוב. מען מעג טאהן. אלע ארבעט. דארף מען נים זאגין הלל: פרעגט די גמרא ראש השנה און יום כפור וואס עס ווערט גירופען יום טוב און מען טאר נים טאהן קיין ארבעט. זאל מען זאגין הלל. ענטפערט די גמרא ווייל רבי אבהו האט גיזאגט די מלאכים האבין גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם פאר וואס זאגין נים די אידען פאר דיר הלל אום ראש השנה און יום כפור. האט גאט גיזאגט צו די מלאכים איך וואס בין דער מלך פון דער וועלט זיץ אויף מיין שטוהל צו משפטין און ביכער פון לעבעדיגע און ביכער פון טויטע זענען אפען פאר מיר. און זייא ווייסין נים ווער עס וועט לעבין און ווער עס וועט שטארבין. זענען זייא דאך טרויעריג וויא אזוי קענען זייא זאגין הלל. פרעגט די גמרא חנוכה איז דאך נים קיין יום טוב און מען מעג ארבעטין פאר וואס זאגט מען הלל. ענטפערט די גמרא ווייל עס איז גיוועז א נס. פרעגט די גמרא פורים איז דאך אויך גיוועז א נס זאל מען זאגין הלל. האט רבי יצחק גיזאגט ווייל מען זאגט נים קיין הלל אויף דעם נס וואס איז גיוועז אין חוץ לארץ. האט רב נחמן בר יצחק גיפרעגט דער נס וואס די יודען זענען ארויס גיגאנגען פון מצרים איז דאך אויך גיוועז אין חוץ לארץ און מען זאגט הלל. ענטפערט די גמרא אזוי וויא מיר האבען גילערנט איידער די יודען זענען אריין גיגאנגען אין ארץ ישראל האט מען גיזאגט הלל אויף די נסים פון אלע לענדער. דער נאך וויא די יודען זענען שוין אריין גיגאנגען אין ארץ ישראל. אויף דעם נס פון ארץ ישראל זאגט מען הלל און אויף דעם נס פון חוץ לארץ זאגט מען נים קיין הלל. רב נחמן זאגט ווס מען לייענט פורים די מגלה דאס איז דער הלל זאגען. רבא זאגט ווען דער נס פון פורים איז גיוועז האט מען גאר נים גיקענט זאגען הלל. ווארום ווען די יודען זענען ארויס גיגאנגען פון מצרים האבען זייא גזאגט הלל לויבט גאט וואס איר זענט גיווארין די קנעכט פון גאט און איר זענט שון נים די קנעכט פון פרעה. אבער ביי פורים וויא וואלטען זייא זאגען לויבט גאט וואס איר זענט די קנעכט פון גאט און נים די קנעכט פון אחשורוש. זייא זענען דאך נאך גיוועזן די קנעכט פון אחשורוש. פרעגט די גמרא נאך רב נחמן וואס ער זאגט די מגלה לייענען דאס איז דער הלל. מיר האבען דאך גילערנט ווען די יודען זענען אריין

חלק : קלוף : דק . גילדו דקה : צלצל. ב' כלים מכים זה ע"ג זה וקולו דק וקורין להם צלצ"ל : מפטמת את הבשמים . שבה היו כותשין סממני הקטורת והי' קולו נאה ומפטמת הבשמים יפה ונותנת בהם ריח כדאמריק בכריתות השוחק אומר הדק היטב היטב הדק שהקול יפה לבשמים : ב' כלים . צלצל ומכתשת : נחשת ממורט . דק שיכולין לקפלו : ממורק . קלל לוייסנ"ט : שניים . ב' צלצלים וב' מכתשות :

אכתי עבדי אחשורוש אנן ולר"נ דאמר קריאתה זו היא הלילא והתניא משנכנסו לארץ לא הוכשרו כל הארצות לומר שירה כיון שגלו חזרו להתירן הראשון :

ג ת"ר אבוב היה במקדש חלק היה דק היה של קנה היה ומימות משה היה צוה המלך וצפוהו זהב וקולו לא היה ערב נטלו ציפויו והיה קולו ערב כמו שהיה. צלצל היה במקדש של נחשת היה והיה קולו ערב ונפגם ושלחו חכמים והביאו אומנים מאלכסנדריא של מצרים ותיקנוהו ולא היה קולו ערב נטלו תקונו והיה קולו ערב כמו שהיה. מכתשת היתה במקדש של נחשת היתה ומימות משה היתה והיתה מפטמת הבשמים נתפגמה והביאו אומנים מאלכסנדריא של מצרים ותיקנוה ולא היתה מפטמת כמו שהיתה נטלו תיקונה והיתה מפטמת כמו שהיתה אלו שני כלים נשתיירו ממקדש ראשון ונתפגמו ולא היה להם ארוכה ועליהם אמר דוד (מלכים א ז) נחשת ממורט (ד"ה ב ד) נחשת מורק ועליהם הוא אומר (עזרא ח) וכלי נחשת מוצהב . שנים חמודות כזהב רב ושמואל חד אמר שנים שקולים כאחד של זהב וח"א כל אחד ואחד שקול

גיגאנגען אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זֶענֶען אַלֶע לֶענְדֶער (אויסער אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל) אָסוּר גִיוָוארִין צוּא זָאגֶען אִין זֵיי שִׁירָה . וְויא אַזוֹי מֶעג מֶען לֵייעֶנֶען דִי מְגִלָּה אִין חוּץ לָאָרֶץ . עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא וְויא דִיא יִדְעֶן זֶענֶען פַר טְרִיבֶּען גִיוָוארִין פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין חוּץ לָאָרֶץ זֶענֶען צוּרִיק אַלֶע לֶענְדֶער מוּתָּר גִיוָוארִין צוּ זָאגֶען אִין זֵיי שִׁירָה :

ג תָּנוּ רַבָּנָן . דִיא רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערוּנְט אִין בֵּית הַמִקְדָּשׁ אִיז גִיוֶוען אַפֵּייפִיל עֶר אִיז גִיוֶוען גְלַאט פוּן אָפּ גִישֵׁיילְטֶע הָאלְץ . אוּנ עֶר אִיז גִיוֶוען דִין . אוּנ עֶר אִיז גִיוֶוען גֶעמַאכְט פוּן אַרָאר שְׁטָאק ; אוּנ עֶר אִיז גִיוֶוען גִימַאכְט אִין דִיא צֵייט וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גִילֶעבְּט אִין דֶער מִדְבָּר . הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיהֵייסֶען הָאט מֶען אִיהם בַּדֶעקְט מִיט גָאלְד . הָאט עֶר נִיט שֵׁיין גֶעשְׁפִּילְט . הָאט מֶען אַרָאפּ גִינוּמֶען דִיא גָאלְד הָאט עֶר אַזוֹי שֵׁיין גֶעשְׁפִּילְט וִוי פְרִיעֶר . אַצִינְבּוֹל אִיז גִיוֶוען אִין בֵּית הַמִקְדָּשׁ . עֶר אִיז גִיוֶוען פוּן קוּפֶּער . אוּנ עֶר הָאט שֵׁיין גֶעשְׁפִּילְט . דֶער נָאךְ אִיז עֶר קַאלְיֶע גִיוָוארִין הָאבֶּען דִיא חֲכָמִים גֶעשִׁיקְט אוּנ מֶען הָאט גִיבְּרֵיינְגְט בַּעַל מְלָאכוֹת פוּן אַלֶכְּסַנְדְרִיָא וָואס אִין מִצְרַיִם הָאבֶּען זֵייא דֶעם צִינְבּוֹל פַארִיכְט . הָאט עֶר נִיט גֶעשְׁפִּילְט אַזוֹי שֵׁיין וְויא פְרִיעֶר . הָאט מֶען אַרָאפּ גֶענוּמֶען דָאס פַארִיכְטוּנְג הָאט עֶר גֶעשְׁפִּילְט אַזוֹי שֵׁיין וְויא פְרִיעֶר . אַשְׁטוּים אִיז גִיוֶוען אִין בֵּית הַמִקְדָּשׁ וָואס מֶען הָאט אִין אִיהם גִישְׁטוֹיסֶען דִיא בְּשָׂמִים . עֶר אִיז גִיוֶוען פוּן קוּפֶּער . אוּנ עֶר אִיז גִיוֶוען גִימַאכְט אִין דֶער מִדְבָּר וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גִילֶעבְּט . אוּנ דֶער שְׁטוֹיסֶען הָאט גִיגֶעבִּין אַגִישְׁמַאקְען רֵיחַ אִין דִיא בְּשָׂמִים . דֶער נָאךְ אִיז דֶער שְׁטוּים קַאלְיֶע גִיוָוארִין הָאט מֶען גִיבְּרֵיינְגְט בַּעַל מְלָאכוֹת פוּן אַלֶכְּסַנְדְרִיָא וָוס אִין מִצְרַיִם אוּנ מֶען הָאט דֶעם שְׁטוּים פַארִיכְט . הָאט דֶער שְׁטוֹיסֶען נִיט גִיגֶעבִּין אַגִישְׁמַאקְען רֵיחַ אִין דִיא בְּשָׂמִים וְויא פְרִיעֶר . הָאט מֶען צוּרִיק אַרָאפּ גִינוּמֶען דָאס פַארִיכְטוּנְג . הָאט דָאס שְׁטוֹיסֶען צוּרִיק גִיגֶעבִּין אַגִישְׁמַאקְען רֵיחַ אִין דִיא בְּשָׂמִים וְויא פְרִיעֶר . דִיא צְוֵוייא כֵּלִים (דֶער צִינְבּוֹל מִיט דֶעם שְׁטוּיס) זֶענֶען גֶעבְּלִיבֶּען פוּן דֶעם עֶרְשְׁטִין בֵּית הַמִקְדָּשׁ אוּנ זֵיי זֶענֶען קַאלְיֶע גִיוָוארִין אוּנ מֶען הָאט זֵייא שׁוֹין נִיט גִיקֶענְט פַארִיכְטֶען . אוּנ אוֹיף דִיא צְוֵויי כֵּלִים הָאט דָוִד גִזָאגְט אֵיינְס אִיז גִיוֶוען פוּן נְחֹשֶׁת מְמוֹרָט (דִינֶע קוּפֶּער) . אוּנ דָאס אַנְדֶערֶע אִיז גִיוֶוען פוּן נְחֹשֶׁת מוּרָק (גִיגְלַאנְצְטֶע קוּפֶּער) . אוּנ אוֹיף דִיא צְוֵויי כֵּלִים הָאט עֶזְרָא גְזָאגְט וּכְלֵי נְחֹשֶׁת מוּצְהָב . קוּפֶּערְנֶע כֵּלִים גִיגְלַאנְצְטֶע ; עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק צְוֵויי גְלוּסְטִיג וִוי גָאלְד . רַב אוּנ שְׁמוּאֵל קְרִיגֶען . אֵיינֶער זָאגְט אַזוֹי מֵיינְט מֶען צְוֵויי כֵּלִים וָואס זֶענֶען וֶוערְט אַזוֹי וְויא אֵיין כְּלִי פוּן גָאלְד ; אוּנ אֵיינֶער זָאגְט אַזוֹי מֵיינְט מֶען יֶעדֶער כְּלִי בַּזוּנְדֶער אִיז וֶוערְט אַזוֹי וְויא צְוֵוייא כֵּלִים פוּן גָאלְד .

שקול כשנים של זהב תני רב יוסף ששניהם שקולים כאחד של זהב תניא ר' נתן אומר שניים היו שנאמר שנים אל תקרי שנים אלא שניים :

ד תני רבן שמעון בן גמליאל שילוח היה מקלח מים בבאיסר וצוה המלך והרחיבוהו כדי שיתרבו מימיו ונתמעטו חזרו ומיעטוהו והיה מקלח מים לקיים מה שנא' (ירמיה ט) אל יתהלל חכם בחכמתו וגו' :

ה אמר רבא בר שילא אמר רב מתנה אמר שמואל מגריפה היתה בבה"מ (דף יא) י' נקבים היו בה וכל אחד ואחד מוציא י' מיני זמר נמצאת כולה מוציאה ק' מיני זמר במתניתא תנא היא אמה וגבוה אמה וקתא יוצא הימנה ועשרה נקבים היו בה כ"א מוציא ק' מיני זמר נמצאת כולה מוציאה אלף מיני זמר אר"נ ב"י וסימניך מתני' גוזמא :

ו א"ר יהודה אמר שמואל מנין לעיקר שירה מן התורה שנאמר (דברים יח) ושרת בשם ה' אלהיו איזהו שירות שבשם הוי אומר זו שירה ואימא נשיאות כפים מדכתיב

סינוס. נהר: באיסר. שלא היו מימיו נובעין אלא כנהר קטן שאינו רחב אלא כמוציא איסר: ואעפ"כ היה מוציא מים לכל הצורך: אל יתהלל חכם וגו'. שחכמתו אינה אלא מקלקלת לפי שכלי מקדש ראשון נעשו על פי הגבורה כדכתיב הכל בכתב מיד ה' עלי השכיל :

מגריפה. שבה גורפין את דשן המזבח וידי"ל והאי כעין קף: י' נקבים היו בה ובכל נקב היה קנה אחד ובכל קנה וקנה היה בו י' נקבים ובכל נקב של קנה מוציא מין זמר נמצאת כולה מוציאה מאה מיני זמר: וסימנך. שלא תטעה מי אמר מאה ומי אמר אלף: מתניתין גוזמא. דרך משניות לשנות גוזמא כגון הנך דאמר בשחיטת חולין בפ' גיד הנשה :

רב יוסף האט גילערונט די ביידע כלים זענען ווערט ווי איין כלי פון גאלד . מיר האבען גילערונט רבי נתן זאגט עס איז גיוועזן צוויא צימבלען אונ צוויא שטויסען . ווארום עס שטייט אין פסוק שנים . זאלסט ניט לייענען שנים . נאר זאלסט לייענען שניים . טאפעלע כלים . צוויי צימבלען אונ צוויי שטויסען :

ד תני . רבן שמעון בן גמליאל האט גילערונט אטייך איז גיוועזן אין בית המקדש וואס פון איהם האט גיצויגען וואסער אזוי ברייט וויא אאיסר דאס איז אזוי אמטבע] האט דער מלך גיבאטען מען זאל מאכען ברייטער דעם ציהונג פון דיא וואסער עס זאל גיין מער וואסער מען האט ברייטער געמאכט איז גיגאנגען נאך ווייניגער וואסער . האט מען צוריק שמעלער גימאכט אזוי וויא עס איז גיוועזן פריער . איז גיגאנגען פיל וואסער אזוי וויא פריער . צו מקיים זיין וואס עס שטייט אין פסוק אחכם זאל זיך ניט לויבען מיט זיין חכמה . ווארום זיין חכמה וואס ער וויל זיך קליגען געגין גאט . מאכט איהם נאך מער קאליע . ווארום אלע זאכען פון בית המקדש איז גיוועזן געמאכט דורך דעם גיבאט פון גאט . דריבער האט מען ניט גיטארט ענדערין :

ה אמר . רבא בר שילא האט גזאגט רב מתנה האט גזאגט פון שמואלס וועגין אוידלע איז גיווען אין בית המקדש אין איר איז גיוועזן צעהן לעכער אונ אין יעדער לאך איז גיוועזן ארער . אונ אין יעדער רער איז גיוועזן צעהן לעכער . אונ פון יעדער לאך איז ארויס גיגאנגען איין אנדער גיזאנג שטימע . פון אלע צו זאמען איז ארויס גיגאנגען מיט איין מאהל הונדערט ערליי גיזאנג שטיממען . אין אברייתא האבען מיר גילערונט דיא ווידלע איז גיוועזן ברייט אאייל . אונ דיא האנט אין וואס דיא ווידלע איז גיזעסן איז גיוועזן אויסער דעם אייל . אונ צעהן לעכער איז אין איר גיוועזן . אונ פון יעדער לאך איז ארויס גיגאנגען הונדערט ערליי גיזאנג שטיממען פון אלע צו זאמען איז ארויס גיגאנגען מיט איין מאהל טויזענד ערלייא גיזאנג שטיממען . רב נחמן בר יצחק זאגט אסימן מען זאל גידיינקען ווער עס זאגט הונדערט שטימען אונ ווער עס זאגט טויזענד שטימען . דיא ברייתא זאגט איבריג פיל ; זאגט דיא ברייתא טויזענד שטימען . אונ שמואל זאגט הונדערט שטימען :

ו אמר ; רב יהודה האט גיזאגט פון שמואלס וועגין ווא שטייט אין דער תורה אז מען דארף זינגען אין בית המקדש . ווארום עס שטייט אין פסוק ער זאל בעדינען מיט דעם נאמען

אין אדם בא שירה אלא מתוך שמחה וטוב לבב דכתיב הנה עבדי ירונו מטוב לב : אימא בכורים . וה"ק תחת אשר לא הבאת בכורים : חזקיה . אמר מהכא אשכחן שירת לוים מן התורה יסור במשא נשיאות קול בשיר : בלוותי . עם אחם : שירה . צריך עבודת קרבן שאינו נאמר אלא על היין של נסכי קרבן כדכתיב ותקעתם בחצוצרות על עולותיכם : צהלו מים . יצהלו בשיר ב"ה יותר מגלגל ים סוף : מייתי לה מהכא .

מדכתיב (שם) לשרתו ולברך בשמו מכלל דברכת כהנים לאו שירות הוא רב מתנה אמר מהכא (שם כח) תחת אשר לא עבדת את ה' אלהיך בשמחה ובטוב לבב איזו היא עבודה שבשמחה וטוב לבב הוי אומר זו שירה ואימא ד"ת דכתיב (תהלים יט) פקודי ה' ישרים משמחי לב משמחי לב איקרי טוב לא איקרי ואימא בכורים דכתיב (דברים כו) ושמחת בכל הטוב טוב איקרי טוב לבב לא איקרי :

ז חזקיה אמר מהכא (ד"ה א טו) וכנניהו שר הלוים במשא יסור במשא כי מבין הוא אל תקרי יסור אלא ישיר . בלוותי א"ר יוחנן מהכא (במדבר ד) לעבוד עבודת עבודה איזוהי עבודה שצריכה עבודה הוי אומר זו שירה רבי יצחק אומר מהכא (תהלים פא) שאו זמרה ותנו תף כנור נעים עם נבל ר"נ בר יצחק אמר מהכא (ישעיה כד) המה ישאו קולם ירונו בגאון ה' צהלו מים ותנא מייתי לה מהכא (במדבר ז) ולבני קהת לא נתן כי

פון גאט . וועלכע בעדינונג איז דאס מיט דעם נאמען פון גאט . דאס מיינט מעו דעם גיזאנג . זוען מען זינגט דער מאנט מען דאך דעם נאמען פון גאט : פרעגט דיא גמרא טאמער מיינט מען דאס דוכנען . דער מאנט מען דאך אויך דעם נאמען פון גאט . ענטפערט די גמרא ווייל עס שטייט אין פסוק צו בעדינען איהם אונ צו בענטשין מיט זיין נאמען ; זעהן מיר אז בעדינען איז אבזונדער זאך אונ בענטשין מיט זיין נאמען ודאס איז דוכנען) איז אבזונדער זאך . אונ דאס דוכנען הייסט ניט אבעדינונג . אונ אז אין דעם פריערדיגען פסוק שטייט צו בעדינען מיט דעם נאמען פון גאט מיינט מען ניט דוכנען נאר זינגען . רב מתנה זאגט פון דעם פסוק ווייל דוא האסט ניט געדינט גאט מיט פריילינקייט אונ מיט אגוט הארץ . וועלכע דינונג איז דם מיט פריילינקייט אונ מיט אגוט הארץ . דאס איז דער גיזאנג . צו זינגען פאר גאט ; ווארום אמענטש קען אנדערש ניט זינגען סיידין ער איז פריילאך אונ דיא הארץ זיינע איז גוט ; פרעגט דיא גמרא טאמער מיינט דער פסוק ווייל דוא האסט ניט גילערנט תורה . ווארום ביי תורה שטייט אויך אין פסוק דיא מצות פון גאט זענען גלייך אונ זייא דער פרייען דאס הארץ . ענטפערט דיא גמרא דיא תורה ווערט נאר גירופען זיא דער פרייט דאס הארץ (דיא חכמה פון דר תורה מאכט דעם מענטש פריילאך דאס הארץ) . אבער זיא ווערט ניט גירופען גוט (ווייל דער מענטש ווערט דורך איהר גישטראפט אז ער איז זיא ניט מקיים) . פרעגט דיא גמרא טאמער מיינט דער פסוק ווייל דוא האסט ניט גיבריינגט בכורים . ווארום עס שטייט אין פסוק דו זאלסט דיך פרייען מיט דאס גאנצע גוטס . ענטפערט דיא גמרא דיא בכורים ווערין גירופען גוטס . ווייל דעם מענטשינס לעבין הייגט נאר אין עסין אונ טרינקען . אבער עס ווערט ניט גירופען אגוט הארץ . ווארום עס קען זיין ער זעהט ביי זיין חבר מער תבואה אונ פירות איז ער איהם מקנא . אונ דיא הארץ זיינע איז ניט גוט אויף איהם :

ז חזקיה זאגט פון דעם פסוק ווייסען מיר אז מען דארף זינגען פאר גאט . כנניהו דער שר פון דיא לוים במשא יסור במשא כי מבין הוא . זאלסט ניט לייענען יסור . נאר ישיר . ער פלעגט זינגען . ווייל ער האט פאר שטאנען צוא זינגען . בלוותי האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין פון דעם פסוק ווייסען מיר אז מען דארף זינגען דער פסוק זאגט לעבוד עבודת עבודה . מען זאל טאהן אעבודה צו אעבודה . וועלכע עבודה איז דאס וואס מען דארף צו איר נאך אעבודה . דאס מיינט מען דאס זינגען . דאס זענען צוויי עבודות מיט איין מאהל ; ווארום דאס זינגען איז נאר ווען מען גיסט דיא וויין אויף דעם מזבח צוא דעם קרבן וואס מען איז מקריב . רבי יצחק זאגט פון דעם פסוק ווייבען מיר אז מען דארף זינגען פאר גאט . דוד המלך האט

כי עבודת הקדש עלהם בכתף ישאו מכשמע שנאמר בכתף איני יודע שישאו מה ת"ל ישאו אין ישאו אלא לשון שירה וכן הוא אומר (תהלים פא) שאו זמרה ותנו תף ואומר ישאו קולם ירונו וגו' חנניא בן אחי ר' יהושע אומר מהכא (שמות יט) משה ידבר והאלהים יעננו בקול (ע"ב) על עסקי קול רב אשי אמר מהכא (דה"ב ה) ויהי כאחד למחצרים ולמשוררים להשמיע קול אחד ר' יונתן אמר מהכא (במדבר יח) לא ימותו גם הם גם אתם מה אתם בעבודת מזבח אף הם בעבודת מזבח. תניא נמי הכי לא ימותו גם הם גם אתם אתם בשלהם והם בשלכם במיתה הם בשלהם אינן במיתה אלא באזהרה:

לעיקר שירה מן התורה: על עסקי קול. שהיה ממונה לשורר לפי שמשה לוי היה: אף הם. הלוים בעבודת מזבח ולא משכחת לוים כשהיו לעבודת מזבח אלא בשיר: מה אתם. אלכהנים קאי קרא: אתם בשלהם. הכהנים שנכנסו בעבודת לוים כגון ששררו: והם בשלכם. לוי שעבד על המזבח ככהן: הם בשלהם. כגון לוי משורר שסייע דלתות ולוי שוער שאמר שיר שהרי הלוים חלוקין היו זה למשורר וזה לשוער:

עולת נדבת צבור. כגון קיץ המזבח הבאה מן השופרות שמותרין בהן מעות מותר חטאת ומותר אשם: עולותיכם. ותקעתם בחצוצרות על

ה בעי ר' אבין עולת נדבת ציבור טעונה שירה או אינה טעונה שירה עולותיכם אמר רחמנא אחת עולת חובה ואחת עולת נדבה או דילמא עולותיכם דכולהו

גזאַנגט הייבט אויף אייער שטימע מיט גזאַנג אונ גיט דעם פויק מיט דעם פידול וואָס שפּילט זיס מיט דעם האַרף. רב נחמן בר יצחק זאָגט פון דעם פסוק זייא וועלין אויף הייבען זייער שטימע זייא וועלען זינגען מיט דיא גרויסקייט פון גאָט זייא וועלען זיך פרייען מיט גזאַנג נאָך מער וויא זייא האָבען געזונגען ביי דעם ים. דער תנא לערנט אָפּ פון דעם פסוק צו דיא קינדער פון קרח האָט משה ניט געגעבין קיין וועגין ווייל זייא האָבען גיבראַכט אויף זיך דיא היילינע אַרבעט אויף דעם האַקסיל האָבען זייא גיטראָגען. איז דאָך דיא קשיא אַז עס שטייט אין פסוק אויף דעם האַקסיל ווייס איך דאָך אַז זייא האָבען גיטראָגען. צו וואָס שטייט אין פסוק דער וואָרט ישאו. זייא האָבען גיטראָגען. נאָר ישאו מיינט מען ניט גיטראָגען. נאָר מען מיינט זייא האָבען אויף גיהויבען דיא שטימע צו זינגען. אונ אַזוי שטייט אין פסוק שאו זמרה. הייבט אויף אייער שטימע מיט גזאַנג אונ גיט דעם פויק. נאָך זאָגט דער פסוק ישאו קולם ירונו. זייא וועלין אויף הייבען זייער שטימע אונ וועלין זינגען: חנניא דער זוהן פון רבי יהושעס ברודער זאָגט פון דעם פסוק משה ידבר והאלהים יעננו בקול. משה זאָל ריידן אונ גאָט וועט איהם ענפערין פון וועגין דיא שטימע פון זיין זינגען. ער זאָל זינגען פאַר גאָט. רב אַשי זאָגט פון דעם פסוק אונ עס איז גיוועזן אַזוי וויא איינס די וואָס האָבען גיטרומייטערט אונ האָבען געזונגען האָבען גימאַכט הערין איין שטימע מיט איין מאָהל. רבי יונתן זאָגט פון דעם פסוק עס זאָלין ניט שטאַרבען ניט זייא (ניט דיא לוים) אונ ניט איר (ניט די כהנים): האָט מען גענגליכען דיא לוים צו דיא כהנים. אַזוי וויא דיא כהנים אַרבעטין דאָך בייא דעם מזבח. אַזוי דיא לוים אַרבעטין אויך ביי דעם מזבח: וואָס אַרבעטין דיא לוים ביי דעם מזבח. וואָס זייא זינגען. מיר האָבען אויך אַזוי גילערנט זייא זאָלען ניט שטאַרבען ניט זייא (ניט דיא לוים) אונ ניט איר (ניט דיא כהנים). אַז דיא כהנים האָבען גיטאָהן דיא אַרבעט פון די לוים. זייא האָבען געזונגען. אונ דיא לוים האָבען גיטאָהן דיא אַרבעט פון דיא כהנים. זיי האָבען מקריב גיוועזן קרבנות. קומט מיתה. דיא לוים זענען גיוועזן צו טיילט אין צוויי טייל. העלפט זענען גיוועזן צום זינגען. אונ העלפט זענען גיוועזן צו עפענען דיא טויערין אונ צו פאַר מאַכען. אויב דער לוי וואָס האָט גידאַרפט זינגען איז גיגאַנגען צו די טויערין עפענען אונ צו מאַכען. אונ דער לוי פון דיא טויערין איז גיגאַנגען זינגען. מיתה קומט ניט פאַר דעם. נאָר זיי זענען פאַר באָטן זייא זאָלין אַזוי ניט טאָהן:

ה בעי רבי אבין האָט גיפרעגט אַז מען איז מקריב אויף דעם מזבח אעולה וואָס דער צבור האָט גיגעבין אנדבה. דאַרף מען זינגען בייא דעם מקריב זיין אָדער ניין. עס שטייט אין

דבולהו ישראל קאמר רחמנא וכו׳ ת״ש ר׳ יוסי אומר מגלגלין זכות ליום זכאי וחובה ליום חייב אמרו כשחרב בית ראשון אותו היום ט׳ באב היה ומוצאי שבת היה ומוצאי שביעית היה ומשמרתו של יהויריב היתה והיו לוים עומדים על דוכנם ואומרים שירה ומה שירה היו אומרים (תהלים צד) וישב עליהם את אונם וברעתם יצמיתם ולא הספיקו לומר יצמיתם ה׳ אלהינו עד שבאו אויבים וכבשום וכן בשניה האי שירה מאי עבידתיה אילימא דעולת חובה מי הואי בי״ז בתמוז בטל התמיד אלא לאו בעולת נדבה ותסברא מ״ש דעולת חובה דלא הואי ומאי שנא דעולת נדבה דהואי הא ל״ק בן בקר אקראי בעלמא הוא דאיתרמי להו אמר רבא ואיתימא רב אשי והסברא שירה דיומיה (שם כד) לה׳ הארץ ומלואה

עולותיכם וקיימא שירה: זכות ליום זכאי. כגון שלא ובמכון עתידין ליגאל: מוצאי שבת. א׳ בשבת: ומוצאי שביעית היתה. שנה שמינית: וכן בשניה. בחורבן שני והיינו חובה ע״י חייב דשני פעמים חרב בההוא יום וב׳ פעמים כשבים כשהיו קורין אותו מזמור: עולת חובה. דאמור היינו תמיד מפורש במס׳ תענית דמי״ז בתמוז בטל התמיד שלא היו להם כבשים מהמת שהיו צרים על ירושלים ואין יוצא ואין בא: ומאי שנא עולת נדבה דהואי. הלא לא היו כבשים מצוים: הא לא קשיא בן בקר בעלמא איתרמו להו. שאינו ראוי לתמיד וראוי לעולת נדבה: (והסברא. דעולת נדבה הואי מ״ש וכו׳ דכי היכי דבטיל עולת חובה בטיל עולת נדבה: אקראי בעלמא דמתרמי להו. להתייו עולת נדבה שנזדמן להם בן בקר אחד ועשו ממנו עולת נדבה ב״מ עולת נדבה צריכה שירה): והסברא. דהאיא שירה נאמר על קרבן כלל: דיומיה יתאי ניהו לפי׳ סהרן. כדאמרינן ביום הא׳ היו

שלאגין. און שמואל זאגט ביז דער חבר וועט איהם פלוכען. און רבי יוחנן זאגט ביז דער חבר וועט אויף איהם אן שרייען פאר וואס ער שטראפט איהם. רב נחמן בר יצחק זאגט אלע דריי דרשנען איין פסוק. ווארום עס שטייט אין פסוק ווען יונתן האט געשטראפט זיין פאטער שאול פאר וואס ער וויל הרגנען דוד] דער בעם פון שאול איז דער היצט געווארען אויף יהונתן. און שאול האט געזאגט צו יהונתן דוא ביזט אזוהן וואס דוא האסט פארקריכט און מען דארף דיר שלאגין מכות. און עס שטייט נאך אין פסוק שאול האט געווארפען דעם שפיז אויף יונתן צו שלאגין איהם. דער ווס זאגט אז מען דארף שלאגין. ווארום דא שטייט אז שאול הט געוואלט שלאגין דעם יונתן. דע' וואס זאגט אז מען דארף שטראפין ביז מען פלוכט איהם ומען פאר שעמט איהם]. ווארום דא שטייט שאול האט געזאגט צו יונתן צו דיין שאנד און צו דעם שאנד פון דיין מוטער. דער וואס זאגט אז מען דאקף שטראפען ביז מען שרייט אויף איהם. ווארום דא שטייט שאול איז אין כעס געווען אויף יונתן און האט געצערונט אויף איהם. פרעגט דיא גמרא דער וואס זאגט אז מען דארף שטראפען ביז מען וועט אויף איהם אן שרייען. דא שטייט דאך אז שאול הט געפלוכט און האט געוואלט שלאגין יונתן פאר ווס ער האט איהם געשטראפט. ענפערט די גמרא ביי יונתן מיט שאול איז אנדערש ווי ביי אלע מענטשין. ווייל יונתן האט שטארק ליב גיהאט דוד האט ער גירעט שטארקע רייד געגין פאטער דריבער הט דר פאטער איהם געוואלט שלאגין און האט איהם גיפלוכט. פרעגט דיא גמרא ביז ווען זאל אמענטש ניט ווענדערין זיין נאסט הויז. רב זאגט ביז דער בעל הבית שלאגט איהם און לאזט איהם ניט וואוהנען. און שמואל זאגט ביז דער בעל הבית וועט ארויס ווארפען זיינע זאכין פון שטוב. וועט ער נעמען זיינע זאכען אויף דיא פלייצעס און וועט גיין אין איין אנדער וואהנונג. זאגט די גמרא אז מען שלאגט איהם אליין האלטען אלע אז ער מעג שוין אוועק גיין פון דר וואהנונג. אז דער בעל הבית ווארפט ארויס זיינע זאכען פון שטוב. האלטין אויך אלע אז ער מעג שוין אוועק גיין פון דעם וואהנונג. ווען דען קריגט רב און שמואל אז דער בעל הבית הט נאר גישלאגין די ווייב זיינע פאר ווס זיי ציהען ניט ארויס פון שטוב. רב האלט ווייל ער האט איהם אליין ניט גישלאגין זאל ער ניט אוועק גיין פון דיא וואהנונג. און שמואל האלט ער זאל יא אוועק גיין פון די וואהנונג ווייל די ווייב זיינע וועט איהם מצער זיין פאר וואס מען וואהנט ביי אזוי אבעל הבית וואס ער האט איהר גישלאגין. זאגט די גמרא פאר וואס זאל מען ניט טארין אוועק גיין פון אוואוהנונג ווען מען וויל. ווארום דער תנא האט גיזאגט אז אגאסט ציהט אוים פון זיין נאסט הויז טוהט ער שאדין דעם בעל הבית און טוהט שאדין זיך אליין. ער

ט אמר רב יהודה אמר רב מנין שלא ישנה אדם מאכסניא שלו מה"ת שנא' (בראשית יג) עד המקום אשר היה שם אהלה בתחלה ר' יוסי בר' חנינא אמר מהכא (שם) וילך למסעיו מאי בינייהו איכא בינייהו אכסניא דאקראי. א"ר יוחנן מנין שלא ישנה אדם מאומנות אבותיו שנא' (מ"א ז) וישלח המלך שלמה ויקח את חירם מצור בן אשה אלמנה הוא ממטה נפתלי ואביו איש צרי חרש נחשת וימלא את החכמה ואת התבונה ואת הדעת לעשות כל מלאכה בנחשת ואמר מר אמיה מרבית דן וכתיב (שמות לא) ואתו אהליאב בן אחיסמך למטה דן חרש:

עד

איכא בינייהו וכו'. למ"ד מאשר היה שם אהלה בתחלה משמע אכסניא דקבוע אבל אכסניא דארעאי מותר לשנות ולמ"ד מן וילך למסעיו אפילו אכסניא דאקראי שהקרה לו במסעו בדרכו כגון שקפצה לו חמה: אמיה: אם אבי חירם מאור מדן היה ואהליאב בן אחיסמך שהיה אומן היה מדן לפיכך לא שינה חירם מאומנות אבותיו שהיו בעלי אומנות:

טוהט שאדין דעם בעל הבית ווארום מענטשין פרעגין פאר וואס האט דער איינוואוהנער אוים ניצוינין. געווים ווייל דער בעל הבית איז אשלעכטער מען קען ביי איהם ניט וואהנען וועט קיינער ניט וועלין וואהנען ביי דעם בעל הבית. אונ ער טוהט שאדין זיך אליין ווארום מענטשין פרעגין פאר וואס האט דער בעל הבית גילאזט דעם מענטשין אוים ציהען פון זיין וואהנונג. געווים איז ער אשלעכטער אונ דער בעל הבית האט ניט גיקענט פאר טראגין ער זאל בייא איהם וואוהנען. וועט קיין בעל הבית איהם ניט פאר דינגען אוואוהנונג:

ט אמר. רב יהודה האט גיזאגט פון רבס וועגין ווא שטייט אין דר תורה אז אמענטש זאל ניט ענדערין זיין נאסט הויז: ווארום עס שטייט אין פסוק ווען אברהם איז גיגאנגען צוריק פון מצרים אין כנען איז ער גיקומען ביז צוא דעם ארט וואס דארט איז גיוועזן זיין גיצעלט אין אנהייב: רבי יוסי ברבי חנינא זאגט פון דעם פסוק אברהם איז גיגאנגען צו זיין ציהונג. אין די זעלביגע נאסט הייזער ווס ער איז איין גישטאנען ווען ער הט גיצויגין פון כנען אין מצרים. איז ער אין זיי גישטאנען ווען ער איז גיגאנגען צוריק פון מצרים אין כנען. פרעגט די גמרא וואס איז דער אונטערשייד צו מען לערונט פון דעם פסוק אדער פון דעם פסוק. ענפערט די גמרא אויב ער איז גישטאנען אין אגאסט הויז טרעפענדיג. למשל עס הט גיטראפען אשטארקער רעגין פארין נאכט האט ער גימוזט בלייבען נעכטיגען אין דעם גאסט הויז. דער וואס לערונט אפ פון דעם פסוק וואס אברהם איז גיגאנגען צו זיין ערשטין גיצעלט, האלט ער אז נאר איין שטענדיגען גאסט הויז זאל מען ניט ענדערין. אבער אגאסט הויז וואס מען האט דארט נאר גינעכטיגט איין נאכט. מעג מען איהם ענדערין אונ אז מען קומט נאך אמאהל אין דר שטאט מעג מען איין שטיין אין איין אנדער גאסט הויז. אונ דער ווס לערונט אפ פון דעם פסוק ווס אברהם איז גיגאנגען צו זיינע ציהונג. אויף יעדער ארט ווא אברהם האט גינעכטיגט ווען ער האט גיצויגין פון כנען אין מצרים. האט ער נאך אמאהל גינעכטיגט ווען ער האט צוריק גיצויגין פון מצרים אין כנען. זעהן מיר אז אזוי אגאסט הויז וואס מען האט דארט גינעכטיגט אפילו נאר איין מאהל טרעפענדיג דארף מען אויך ניט ענדערין. רבי יוחנן זאגט פון וואנען ווייסען מיר אז אמענטש זאל ניט ענדערין די מלאכה פון זיין פאטער. נאר דער זוהן זאל זיין דער זעלביגער בעל מלאכה וואס דער פאטער איז: ווארום עס שטייט אין פסוק דער מלך שלמה האט געשיקט אונ ער האט גינומען דעם חירם פון צור. חירם איז גיוועזן דער זוהן פון אאשה אלמנה. פון שבט נפתלי. אונ זיין פאטער איז גיוועזן פון צור. ער האט גיארבעט קופפער אונ ער האט דער פילט די חכמה אונ די פארשטאנדיקייט אונ די וויסענשאפט צו טאהן אלע קופפערנע ארבעט. אונ דער תנא האט גיזאגט די מוטער פון חירמס פאטער איז גיוועזן פון שבט דן. אונ עס שטייט אין פסוק מיט בצלאל איז גיוועזן אהליאב בן אחיסמך צום שבט דן אונ ער איז גיוועזן אבעל מלאכה. זעהן מיר אז חירם האט גיטאהן ווי זיינע עלטערין. זיינע עלטערין זענען גיוועזן בעלי מלאכות אונ ער איז אויך גיוועזן אבעל מלאכה:

עד היכן תכלית יסורין. מהו דבר פחות שביסורין שהמוב יסורין: ואין מתקבל עליו. שאין כמדהו ומצטער יותר: למזוג לו. כוס יין הי בחמין: נהפך לו חלוקו. שלא לבשה כסדר וצריך לפשטה ולפשטה: ג' פרוטות ועלו בידו שתים. דצ"ה ליטול פרוטה שלישית: וכל כך למה. כלומר למאי הלכתא הוו יסורין: קיבל עולמו. ואין לו חלק לעוה"ב: אין יכולין לעמוד. לומר שאין אדם

י **עד** היכן תכלית יסורין א"ר אלעזר כל שארגו לו בגד ללבוש ואינו מתקבל עליו מתקיף לה רבא זעירא ואיתימא ר' שמואל בר נחמני גדולה מזו אמרו אפי' נתכוונו למזוג לו בהמין ומזגו לו *בצונן בצונן ומזגו לו בחמין ואת אמרת כולי האי מר בריה דרב דימי אמר אפילו נהפך לו חלוקו רבא אמר ואיתימא רב חסדא ואיתימא רב יצחק ואמרי לה במתניתא תנא אפילו הושיט ידו לכים ליטול שלש ועלו בידו שתים ודוקא שלש ועלו שתים אבל שתים ועלו שלש לא דלא אית טרחא למשריא וכ"כ למה דתנא דבי ר' ישמעאל כל שעברו עליו מ' יום בלא יסורין קבל עולמו במערבא אמרי (דף יז) פורענות מזדמנת לו. תניא רבי אליעזר הגדול אומר אלמלא בא הקב"ה עם אברהם יצחק ויעקב בדין אינן יכולין לעמוד מפני התוכחה שנאמר (ש"א יב) ועתה התיצבו ואשפטה אתכם לפני ה'

י עד · פרעגט דיא גמרא וועלכעס הערט גירופען יסורים. האט רבי אלעזר גיזאגט אז איינער האט גיגעבין צו אשניידער ער זאל נייען פאר איהם אקאפאטע; אונ די קאפאטע איז ניט גוט גינייט. אונ ער האט צער פון דעם. דאס הייסט יסורים. האט רבא זעירא גיפרעגט אנדערע זאגין רבי שמואל בר נחמני האט גיפרעגט נאך אגרעסערע זאך האט מען גיזאגט אפילו ער האט גיוואלט מען זאל מישען דעם וויין מיט ווארעמע וואסער. אונ מען האט געמישט מיט קאלטע וואסער; אדער ער האט גיוואלט מען זאל מישען דעם וויין מיט קאלטע וואסער. אונ מען האט געמישט מיט ווארעמע וואסער. אונ ער האט צער פאר וואס עס איז ניט גיטאהן גיווארין וויא ער וויל. הייסט דאס יסורים ופאר צייטיגע וויין איז גיוועזן שטארקע. אויף איין קוואטירול וויין האט מען גידארפט דריי קוואטירלאך וואסער אריין גיסען. אנדערש האט מען ניט גיקענט טרינקען). זעהן מיר דאך אז אפילו אקליינינגקייט וואס עס איז ניט קיין שאדין געלט הייסט אויך יסורים. אונ דו זאגסט נאר אז מען האט איהם אקלייד קאליע גימאכט הייסט יסורים: מר בריה דרב דימי זאגט אז איינער האט אנגיטאהן דיא העמד פארקערט. אונ ער דארף איהר אויס טאהן אונ אומקערין אונ צוריק אנטאהן. דאס הייסט אויך יסורים. רבא זאגט אנדערע זאגין רב חסדא האט דאס גיזאגט אנדערע זאגין רב יצחק האט דאס גיזאגט אנדערע זאגין אין אברייתא האבען מיר גילערונט אז איינער האט אריין גישטעקט זיין האנט אין בייטיל. אונ ער האט גיוואלט ארויס נעמען דרייא מטבעות. אונ ער האט נאר ארויס גינומען צוויא מטבעות; אונ ער דארף נאך אמאהל אריין שטעקין די האנט אין בייטיל ארויס צו נעמען די דריטע מטבע. דאס הייסט אויך יסורים. דאס איז נאר אז ער האט גידארפט נעמן דריי מטבעות. אונ ער האט גינומען צוויי מטבעות. אבער אז ער האט גיוואלט נעמען צוויי מטבעות אונ ער האט גינומען דריי מטבעות. אונ ער דארף דיא דריטע מטבע צוריק אריין ווארפען אין בייטיל. דאס הייסט ניט יסורים. ווארום אריין ווארפען איז ניט קיין ארבעט. זאגט דיא גמרא געגין וואס הייסט דס יסורים. אזוי וויא דבי רבי ישמעאל האבין גילערונט דער מענטש וואס בייא איהם איז אוועק גיגאנגען פערציג טעג אן יסורים. האט ער שוין אפ גינומען זיין עולם הבא. אבער אז אין דיא פערציג טעג האט ער גיהאט אזעלכע יסורים וויא דא שטייט ומיט דעם קלייד. אדער מיט דיא אנדערע זאכען) דאס הייסט שוין יסורים. האט ער נאך עולם הבא; אין ארץ ישראל האט מען גזאגט דער מענטש וואס ביי איהם איז אוועק גיגאנגען פערציג טעג אן יסורים: זאל ער וויסען אז פאר איהם איז אן גיברייט צרות וואס דארפען קומען אויף איהם:

מיר האבען גילערונט רבי אליעזר הגדול האט גזאגט ווען גאט וואלט גירופען אברהם יצחק יעקב צום משפט. וואלטען זייא אויך ניט גיקענט בשטיין פאר איהם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שמואל הנביא האט גזאגט צוא דיא יודען אונ איצט שטעלט אייך אונ איך וועל טיך

ה' את כל צדקות ה' אשר עשה אתכם ואת אבותיכם: (תהלים כד) **יא זה** דור דורשיו מבקשי פניך יעקב סלה פליגי בה ר' יהודה נשיאה ורבנן חד אמר דור לפי פרנס וחד אמר פרנס לפי דורו למאי הלכתא אילימא למעליותא דמר סבר אי מעלי דרא מעלי פרנס ומר סבר אי מעלי פרנס מעלי דרא הא איכא יהויקים דלא מעלי ודריה מעלי והא איכא צדקיהו דהוה מעלי ודריה לא ה"ה מעלי דא"ר יוחנן משום רשב"י מ"ד (ירמיה כו) בראשית ממלכות יהויקים בן יאשיהו מלך יהודה (שם כח) ובראשית ממלכת צדקיה מלך יהודה בקש הקב"ה להחזיר את העולם לתהו ובהו בשביל יהויקים וכיון שנסתכל בדורו נתישבה דעתו בקש הקב"ה להחזיר את העולם לתהו ובהו בשביל דורו של צדקיהו וכיון שנסתכל בצדקיהו נתישבה דעתו אלא לענין תוקפא וניחותא קאמרינן:

צדיק בארץ: ואת אבותיכם. שאף עמהם עשה צדקה שלא נהוגת עמהם כדין: מ"ד זה דור דורשיו. דמקיש דור לדורשיו: מעליותא. לענין הסידות: מאי שנא דכתיב ביהויקים וצדקיהו בראשית. לפי שביקש הקב"ה להפך מעשה בראשית בימיהם · לענין תוקפא. כעס: וניחותא. ענוה אם הדור עז הקב"ה מעמיד עליהם פרנס עז ואם הדור נוחין זה לזה הקב"ה מעמיד עליהם פרנס שמנהיגם בנחת. ומ"ד דור לפי פרנס מפרש איפכא דאחר פרנס אימשכא:

המקדיש

מִשְׁפָּטִין מִיט אַייך פַאר גָאט אוּנ אִיךְ װֶעל אַייךְ אוּיס רֶעכֶענֶען דִי אַלֶע צְדָקוֹת װָאס גָאט הָט גִיטָאהן מִיט אַייךְ אוּנ מִיט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן. װֶעהן מִיר אַז אֲפִילוּ דִי עֶלְטֶערְן הָאבֶּען נִיט זוֹכֶה גִיוֶועזְן מִיט דֶעם דִין זֵייעֶרֶע טוֹבוֹת. נָאר גָאט הָט מִיט זֵיי גִיטָאהן צְדָקוֹת:

יא זֶה דוֹר דוֹרְשָׁיו. דֶער דוֹר אִיז גְלַייךְ צוּ זַיינֶע דַרְשָׁנִים. אִין דֶעם פָּסוּק קְרִיגֶען רַבִּי יְהוּדָה נְשִׂיאָה מִיט דִיא רַבָּנָן. אֵיינֶער זָאגְט דֶער דוֹר אִיז װִיא דֶער דַרְשָׁן. אוּנ אֵיינֶער זָאגְט דֶער דַרְשָׁן אִיז װִיא דֶער דוֹר. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא צוּ װָאס אִיז דִיא קְרִיג זֵייעֶרֶע מִיר זָאגֶען זָאגֶען גֶעגִין פְרוּמְקֵייט. אֵיינֶער הַאלְט אוֹיבּ דֶער דוֹר אִיז פְרוּם. אִיז דֶער פִירֶער פוּן דוֹר אוֹיךְ פְרוּם. אוּנ דֶער הַאלְט פַארְקֶערְט אִיז אוֹיבּ דֶער פִירֶער אִיז פְרוּם אִיז דֶער דוֹר אוֹיךְ פְרוּם. מִיר זֶעהן דָאךְ אַז עֶס אִיז נִיט אַזוֹי. װָארוּם דֶער מֶלֶךְ יְהוֹיָקִים אִיז נִיט פְרוּם גִיוֶועזְן. אוּנ זַיין דוֹר אִיז פְרוּם גִיוֶועזְן. אוּנ פַארְקֶערְט אִיז אוֹיךְ דָא. דֶער מֶלֶךְ צִדְקִיָהוּ אִיז יָא פְרוּם גִיוֶועזְן אוּנ זַיין דוֹר אִיז נִיט פְרוּם גִיוֶועזְן. װָארוּם רַבִּי יוֹחָנָן הָאט גִזָאגְט פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִים װֶעגִין עֶס שְׁטֵייט אִין פְּסוּק בְּרֵאשִׁית מַמְלְכוּת יְהוֹיָקִים בֶּן יֹאשִׁיָהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה וּבְרֵאשִׁית מַמְלֶכֶת צִדְקִיָה מֶלֶךְ יְהוּדָה. פַאר װָאס שְׁטֵייט בַּיי דִי צְװֵיי מְלָכִים דֶער װָארְט בְּרֵאשִׁית. װֵייל גָאט הָאט גִיװָאלְט צוּרִיק מַאבֶען דִיא װֶעלְט װִיסְט נַאזוֹי װִיא עֶס אִיז גִיוֶועזְן בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹהִים. אִין אָנְהֵייבּ װֶען גָאט הָאט דִיא װֶעלְט בַּשַׁאפֶען] פוּן װֶעגִין דִיא שְׁלֶעכְטְס װָאס יְהוֹיָקִים הָאט גִיטָאהן: װִיא גָאט הָאט אָבֶּער גִיזֶעהן דִיא פְרוּמְקֵייט פוּן זַיין דוֹר. אִיז שְׁטִיל גִיװָארִין דֶער כַּעַס פוּן גָאט. דֶער נָאךְ הָאט גָאט גִיװָאלְט צוּרִיק מַאבֶען דִיא װֶעלְט װִיסְט פוּן װֶעגִין דִיא שְׁלֶעכְטְס װָאס דֶער דוֹר פוּן צִדְקִיָהוּ הָאט גִיטָאהן. װִיא גָאט הָאט גִיזֶעהן דִיא פְרוּמְקֵייט פוּן דֶעם מֶלֶךְ צִדְקִיָהוּ. אִיז שְׁטִיל גִיװָארֶען דֶער כַּעַס פוּן גָאט. זֶעהן מִיר דָאךְ אַז דֶער דוֹר מִיט דֶעם מֶלֶךְ זֶענֶען אַמָאהל נִיט גְלַייךְ אִין פְרוּמְקֵייט. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא מֶען מֵיינְט גֶעגִין כַּעַס אוּנ עֲנִיוּוּת. אֵיינֶער הַאלְט אוֹיבּ דָאס פָאלְק זֶענֶען גוּטֶע מֶענְטְשִׁין אוּנ לֶעבִּין אֵיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערִין מִיט פְרִידֶען. שְׁטֶעלְט גָאט אוֹיף אוֹיף זֵייא אַפִירֶער אוֹיךְ אַזֶעלְכִין װָאס זָאל זַיין אַגוּטֶער מֶענְטְשׁ אוּנ זָאל זֵייא פִירֶען מִיט גוּטֶען. אוּנ אוֹיבּ דָאס פָאלְק זֶענֶען בַּעֲסָנִים אוּנ קְרִיגֶען אֵיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערִין: שְׁטֶעלְט גָאט אוֹיף אוֹיף זֵיי אַפִירֶער װָאס אִיז אַשְׁלֶעכְטֶער אוּנ אַבַּעֲסָן. אוּנ אֵיינֶער זָאגְט אַזוֹי װִיא דֶער פִירֶער אִיז דֶער דוֹר. אַז דֶער פִירֶער אִיז אַגוּטֶער לֶערְנֶען זִיךְ אָפּ פוּן אִיהם זַיין פָאלְק זֵייא זָאלֶען אוֹיךְ גוּט זַיין. אוּנ אוֹיבּ דֶער פִירֶער אִיז אַשְׁלֶעכְטֶער לֶערְנֶען זִיךְ אָפּ פוּן אִיהם זַיין פָאלְק זֵיי זָאלֶען אוֹיךְ שְׁלֶעכְט זַיין:

דור הנאה . ידור שלא יתהנה לעולם דמתוך שהיא ערומה מגרש לה שתגבה כתובתה מן ההקדש ויחזירנה : קנוניא . ערמה : אטו כל דמגרש בב"ד מגרש. שיאמרו לו דור הנאה ילך בלעגה ויגרשנה : דכהן הוה . רב הונא ואי הוה מגרשה לא מצי לאהדורי : כרשב"ג . במסכת כתובות האומר

שום היתומים פרק ששי

(דף כג) **א משנה** המקדיש נכסיו והיתה עליו כתובת אשה ר"א אומר כשיגרשנה ידור הנאה וכו'. כיוצא בדבר ארשב"ג אף הערב לאשה בכתובתה והיה בעלה מגרשה ידירנה הנאה שמא יעשה קנוניא על נכסים של זה ויחזיר את אשתו: **גמ'** משה בר עצרי ערבא דכלתיה הוה רב הונא ב"יה צורבא מרבנן הוה ודחיקא ליה מילתא אמר אביי ליכא דנסביה עצה לרב הונא דליגרשה לדביתהו ותיתבע כתובתה מאביה וליהדרה מהדרי א"ל רבא והאנן ידור הנאה תנן ואביי אטו כל דמגרש בב"ד מגרש לסוף אינגלאי מלתא דכהן הוה אמר אביי בתר עניא אזלא עניותא ומי אמר אביי

פרק ששי

א משנה . המקדיש . ווען איינער האט גזאגט מיין גאנץ פאר מעגין זאל זיין הייליג צו גאט : אונ ער האט גיגט זיין ווייב וואס זיא דארף אפ נעמעו איר כתובה . נעמט זיא אוועק פון דעם פאר מעגין וואס דער מאן האט גיהייליגט וויא פיל איר כתובה איז . רבי אליעזר זאגט מיר האבען מורא טאמער האט ער חרטה אויף דעם וואס ער האט גיהייליגט זיין פאר מעגין . אונ ער וויל איצט צוריק אפ נעמען . דריבער האט ער אפ גירעט מיט זיין ווייב ער זאל זיא גטין וועט זיא אפ נעמען איר כתובה דער נאך וועט ער מיט איר צוריק חתונה האבען . האט מען גימאכט ווען ער גט איר מוז ער טאהן אנדר אדער שווערין אז ער זאל ניט צוריק חתונה האבען מיט איר . וועט ער שוין קיין פאלש ניט מאכען . נאך אזוי אזאך האט רבן שמעון בן גמליאל גזאגט אויב למשל ראובן האט גיוואלט נעמען אווייב . אונ דאס ווייב האט ניט גיוואלט גיטרויען ראובן דעם נדן . איז שמעון גיוועז ערב ושמעון האט גזאגט צוא איר אויב ראובן וועט דיך גטין אונ וועט דיר ניט בצאלען דיין נדן . וועל איך דיר בצאהלען . אונ ראובן האט חתונה גיהאט מיט דעם ווייב . דער נאך וויל ער זיא גטין . האבען מיר מורא טאמער האבען זייא אזוי אפ גירעט צווישען זיך . ער זאל איר גטין וועט זיא אפ נעמען איר נדן פון שמעון דער נאך וועלין זייא ביידע צוריק חתונה האבען . דריבער איז דער דין ווען ער גט איר מוז ער אנדר טאהן אדער שווערין אז ער זאל זיא ניט צוריק נעמען . וועט ער שוין קיין פאלש ניט מאכען . דער ציילט דיא גמרא משה בר עצרי האט זיין זוהן גידארפט חתונה האבען . האט דאס ווייב ניט גיוואלט גיטרויען דעם נדן . איז איר שווער משה גיוועז ערב אויב זיין זוהן רב הונא וועט איר גטין אונ וועט איר ניט בצאהלען דיא כתובה זאל ער בצאהלען . אונ דער רב הונא איז גיוועז אלמדן אונ איז גיווארען אארעם מאן . האט אביי גזאגט עס איז ניטא ווער עס זאל געבין אעצה צו רב הונא . ער זאל גטין זיין ווייב וועט זיא אפ נעמען איר כתובה פון זיין פאטער משה . דער נאך וועט רב הונא מיט איר צוריק חתונה האבען . וועט ער האבען געלט : האט רבא גזאגט צו אביי מיר האבען דאך גילערנט אז ער מוז אנדר טאהן ער זאל זיא ניט צוריק נעמען . האט אביי גזאגט מוזין דען אלע מענטשין גטין זייערע ווייבער ביי בית דין . וועט רב הונא גטין זיין ווייב ניט ביי בית דין . נאר פר אנדערע מענטשין וואס ווייסען ניט דעם דין אז ער דארף אנדר טאהן . דער נאך איז דער וואוסט גיווארען אז רב הונא איז אכהן וועט ער ניט קענען מיט איר צוריק חתונה האבען . ווארום אכהן טאר דאך ניט נעמען אגרושה . האט אביי גזאגט נאך אארעם מאן גייט דיא ארעמקייט . פרעגט דיא גמרא האט דען אביי אזוי גזאגט אז מען מעג איינעם געבין אעצה אויס צו גינארין געלט ביי זיין חבר . אביי האט דאך גזאגט וועלכער הייסט אקלוגער רשע דער וואס גיט אעצה צוא פאר

אביי הכי והאמר אביי איזהו רשע ערום זה המשיא עצה למכור נכסים כרבן שמעון בן גמליאל בריה שאני וצורבא מרבנן שאני:

(דף כד) ב פיסקא המקדיש נכסיו מעלין לו תפלין. ההוא גברא דזבן לנכסיה אתא לקמיה דרב יימר א״ל סליקו ליה תפלין מאי קמ״ל מתני׳ היא דמקדיש נכסיו מעלין לו תפלין מהו דתימא התם הוא דסבר מצוה קא עבידנא אבל לענין זבוני מצוה דגופיה לא זבין איניש קמ״ל:

בשעת מיתה נכסי לך ואחריך לפלוני וירד הראשון ומכר ואכל: רשב״ג אומר אין לשני אלא מה ששייר הראשון. וה״נ הוי רשע ערום: המקדיש נכסיו. תפלין בכלל נכסיו: מעלין לו תפילין. ופודה אותן: סליקו ליה תפלין. הלוו לו תפלין מראשו עד שיפדם בדמים: מצוה קא עבידנא. דהיינו לבדק הבית הילכך אכל נכסיה הוה דעתיה:

המוכר את שדהו פרק תשיעי

(דף ל ע״ב) א א״ר יוסי בר חנינא בוא וראה כמה קשה אבקה של שביעית אדם נושא ונותן בפירות שביעית לסוף מוכר את מטלטליו שנאמר בשנת

אבקה של שביעית. עוסה סחורה בפירות שביעית

קויפען דיא פעלדער ואויב ראובן האט גזאגט צו שמעון איך שיינק די פעלדער צו דיר אזוי לאנג וויא דוא וועסט לעבין אונ אז דוא וועסט שטארבען זאל געהערין דיא פעלדער צו לוי: דער וואס גיט אעצה צו שמעון ער זאל דיא פעלדער פאר קויפען. דער הייסט אקלוגער רשע אזוי וויא רבן שמעון בן גמליאל האט גזאגט [אין די מסכת כתובות]. דער וואס וואלט גיגעבין צו רב הונא אעצה וואלט ער דאך אויך גיהייסען ארשע. ענפערט די גמרא ביי אפאטער מעג מען. אונ ביא אארעמען למדן מעג מען אויך:

ב פיסקא. המקדיש. ווען איינער זאגט מיין פאר מעגין זאל זיין הייליג. זענען זיינע תפילין אויך הייליג: אונ מען שאצט די תפילין ווי פיל זייא זענען ווערט. אונ ער לייזט זייא אויס מיט געלט. אמענטש האט אמאהל גזאגט צו זיין חבר איך פאר קויף דיר מיין פרמעגין. איז ער גיקומען פאר רב יימר. האט רב יימר גזאגט מען זאל אראפ נעמען פון דעם מענטש די תפילין. ווארום דיא תפילין זענען אויך פאר קויפט גיווארין. נאר אויב ער וויל זאל ער בצאלען צו זיין חבר וויא פיל דיא תפלין זענען ווערט. פרעגט דיא גמרא וואס פאר אנייעם הערט צייכט רב יימר עס שטייט דאך אזוי אין דער משנה דער וואס זאגט מיין פאר מעגין זאל זיין הייליג. זענען זיינע תפילין אויך הייליג. אונ אויב ער וויל אפ נעמען זיינע תפלין. שאצט מען זייא וויא פיל זייא זענען ווערט. אונ ער גיט אזוי פיל געלט צו הקדש. ענפערט דיא גמרא איך וואלט מיינען ביי הקדש האט ער יא גימיינט אפילו דיא תפילין זאלען זיין הייליג. ווייל ער טראכט איך טוה דאך אמצוה מיט דעם וואס איך מאך הייליג מיין פאר מעגין. ווס איז דער חילוק צו טאהן אמצוה לייגען תפלין. אדער אוועק צו געבין די תפלין צוא הקדש. דער נאך אבער אז מען זאגט איהם תפלין לייגען איז אגרעסערע מצוה. מוז ער בצאהלען וויא פיל דיא תפלין זענען ווערט צו הקדש. אונ ער נעמט אפ דיא תפלין. אבער אז איינער האט גזאגט צו זיין חבר איך פאר קויף דיר מיין פאר מעגין. האט ער נאר גימיינט דאס פאר מעגין וואס ער טוהט ניט מיט זייא אמצוה. אבער די זאכען וואס ער טוהט מיט זיי אמצוה דם הט ער ניט פאר קויפט. אזוי וואלט איך זאגען. זאגט רב יימר אפילו צו זיין חבר איז אויך אלץ פר קויפט אפילו די תפלין אויך:

פרק תשיעי

א אמר. רבי יוסי בר חנינא הט גזאגט קום אונ זעה וואס פאר אשטראף עס איז אפילו אויף דיא קלענסטע עבירה פון שמטה. אז אמענטש האנדילט מיט דיא פירות וואס וואקסט אין דעם זיבעטען יאהר [דאס איז שמטה] . וועט ער גישטראפט ווערין אז ער וועט ווערין אארעם

(ויקרא כה) בשנת היובל הזאת תשובו איש אל אחזתו וכתיב (שם) וכי תמכרו ממכר לעמיתך או קנה מיד עמיתך דבר הנקנה מיד ליד. לא הרגיש לסוף מוכר את שדותיו שנא׳ וכי ימוך אחיך ומכר מאחזתו. לא באת לידו לסוף מוכר את ביתו שנאמר (ויקרא כה) ואיש כי ימכור בית מושב. מ"ש התם דקאמר לא הרגיש ומ"ש הכא דקאמר לא באת לידו כדרב הונא דא"ר הונא כיון שעבר אדם עבירה ושנה בה נעשית לו כהיתר. לא באת לידו סוף שמוכר את בתו שנאמר (שמות כא) וכי ימכור איש את בתו לאמה ואע"ג דבתו לאו בהאי ענינא כתיב ניחא ליה לאינש דלזבון ברתיה ולא לוזיף ברביתא דאילו התם מיגרעא ואזלא והכא

קא

ולהכי קרי ליה אבק שאין זו עיקר גאולה של איסור שביעית: וכתיב וכו׳. וסמיך ליה וכי תמכרו ממכר ודרשינן סמוכין והכי אמר רחמנא אם לא תשמרו מצות יובל סופכם נמכור מטלטלים וכלי תשמיש: (הנקנה מיד ליד. דהיינו מטלטלין): לא הרגיש. לא נזדעזע לשוב מן העבירה: (מאי שנא דקאמר לא הרגיש וכו׳. דמשמע שאם יודע שעשה עבירה פורש. ובאת לידו ר"ל לא עלה על לבו שעשה עבירה: מיגרעא ואזלא. ביוצאה בנערות בלא פדיון: הנמכר לע"ז. לשוב עליה): זהו לשון רש"י. לא באה לידו. משמע שלא עלה על לבו שיהא עושה שום עבירה: נעשית לו כהיתר. דומה בעיניו כהיתר הילכך ברישא דלא עבר עדיין אלא פעם אחת תני הרגיש דמשמע שהיה יודע ונתן אל לבו שהיה עובר אבל לא נרתע מן העבירה ועכשיו ובפעם שניה תני לא באה לידו שהפילו על לבו אין עולה שעשה עבירה: ניחא ליה לאינש דליזבון ברתיה ולא לוזיף ברביתא. דרבית כתיב בהאי עניינא דכתיב אל תקח מאתו נשך ותרבית וגו׳ הא ודאי מקמי הכי כבר זבנה לברתיה דבהכי ניחא ליה: פדיון בתו מגרעת ואזלא. ששם

מכירת

מַאן אוּנ וֶועט בַּארְפְן פַאר קוֹיפֶען זַיינֶע זַאכֶען פוּן שְׁטוּב. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִין דֶעם יָאהר וָואס הֵייסְט יוֹבֵל זָאל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ צוּרִיק קוּמֶען צוּ זַיין פַאר קוֹיפְטֶען פַאר מֶעגִין. הָאט דִיא תּוֹרָה גְזָאגְט אִין דֶער פָּרָשָׁה מֶען זָאל הִיטֶען דִי דִינִים פוּן יוֹבֵל [אוּנ יוֹבֵל מִיט שְׁמִטָּה זֶענֶען בֵּיידֶע גְלַייךְ]. אָבֶּער אַז עֶר וֶועט נִיט הִיטֶען דִיא דִינִים פוּן יוֹבֵל אוּנ שְׁמִטָּה [מַפְקִיר צוּ זַיין דִיא פֵּירוֹת וָואס וַואקְסְט אוּם יוֹבֵל אָדֶער אוּם שְׁמִטָּה]. נָאר עֶר וֶועט הַאנְדְלֶען מִיט זֵייא. שְׁטֵייט וַוייטֶער אִין פָּסוּק זַיין שְׁטְרָאף וֶועט זַיין דוּא וֶועסְט פַאר קוֹיפֶען אַפַאר קוֹיפוּנְג צוּא דַיין חָבֵר אָדֶער דוּא וֶועסְט קוֹיפֶען פוּן דַיין חַבֵר. דָאס מֵיינְט מֶען דוּא וֶועסְט פַאר קוֹיפֶען צוּ דַיין חַבֵר דַיינֶע זַאכֶען פוּן דַיין שְׁטוּב [וָואס דָאס וֶוערְט גִיקוֹיפְט אוּנ פַאר קוֹיפְט]. אוּנ אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין פַאר קוֹיפְט דִי זַאכֶען פוּן זַיין שְׁטוּב לֹא הִרְגִישׁ. אוּנ עֶר הָט נִיט מוֹרָא פַר דִי עֲבֵירָה עֶר זָאל טָאהְן תְּשׁוּבָה נָאר עֶר הַאנְדִילְט וַוייטֶער מִיט דִיא פֵּירוֹת וָואס וַואקְסְט אוּם שְׁמִטָּה. וֶועט עֶר מוּזֶען פַאר קוֹיפֶען זַיינֶע פֶעלְדֶער. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַז דַיין בְּרוּדֶער וֶועט אָרֶעם וֶוערִין אוּנ עֶר וֶועט פַאר קוֹיפֶען זַיינֶע פֶעלְדֶער. אוּנ אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין פַאר קוֹיפְט דִיא פֶעלְדֶער אוֹיךְ. לֹא בָּאת לְיָדוֹ. אוּנ עֶס אִיז אִיהם גָאר נִיט גִיקוּמֶען אִין הַארְצֶן אַז דָאס אִיז אַעֲבֵירָה. נָאר עֶר הַאנְדִילְט וַוייטֶער מִיט דִי פֵּירוֹת וָואס וַואקְסְט אוּם שְׁמִטָּה. וֶועט עֶר מוּזֶען פַאר קוֹיפֶען זַיין שְׁטוּב. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אוּנ אַז אַמֶענְטְשׁ וֶועט פַר קוֹיפֶן אַשְׁטוּב וָואס זִיא אִיז אִין אַשְׁטָאט וָואס אַרוּם דִי שְׁטָאט אִיז דָא אַטִאהֶער. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא פַאר וָוס פְרִיעֶר זָאגְט מֶען לֹא הִרְגִישׁ. דֶער נָאךְ זָאגְט מֶען לֹא בָּאת לְיָדוֹ. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא דָם אִיז וִויא רַב הוּנָא הָאט גְזָאגְט אַז אַמֶענְטְשׁ טוּהט אֵיין מָאהל אַעֲבֵירָה הָאט עֶר מוֹרָא. אַז עֶר טוּהט דִיא זֶעלְבִּיגֶע עֲבֵירָה נָאךְ אַמָאהל. אִיז שׁוֹין דָם בַּיי אִיהם גָאר קֵיין עֲבֵירָה נִיט. נָאר אַזוֹ וִויא אַלֶע זַאכְן וָואס מֶען מֶעג. דְרִיבֶּער נָאךְ דֶעם עֶרְשְׁטִין מָאהל שְׁטֵייט לֹא הִרְגִישׁ. עֶר הָאט נִיט מוֹרָא גִיהַאט פַר דִי עֲבֵירָה. אָבֶער עֶר הָט נָאךְ גִירֶעכוּנְט אַז דָאס אִיז אַעֲבֵירָה. נָאךְ דֶעם אַנְדֶערִין מָאהל שְׁטֵייט לֹא בָּאת לְיָדוֹ. עֶס אִיז בַּיי אִיהם גְלַייךְ וִויא צוּ זַיין הַאנְט אִיז גָאר נִיט גִיקוּמֶען אַעֲבֵירָה. וָוארוּם עֶר רֶעכוּנְט דָאס גָאר נִיט פַאר אַעֲבֵירָה. זָאגְט דִיא גְמָרָא אוֹיב עֶר רֶעכוּנְט דָאס וַוייטֶער נִיט פַר אַעֲבֵירָה אוּנ עֶר הַאנְדִילְט נָאךְ מִיט דִי פֵּירוֹת פוּן שְׁמִטָּה. וֶועט עֶר אַזוֹי אָרֶעם וֶוערִין אַז עֶר וֶועט מוּזֶען פַאר קוֹיפֶען זַיין טָאכְטֶער. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַז אַמֶענְטְשׁ וֶועט פַאר קוֹיפֶען זַיין טָאכְטֶער זִיא זָאל זַיין אַדִינְסְט. אַפִילוּ דִיא פַאר קוֹיפוּנְג פוּן זַיין טָאכְטֶער שְׁטֵייט דָאךְ נִיט בַּיי שְׁמִטָּה. נָאר מִיר וֵוייסֶען אַז עֶס אִיז בֶּעסֶער פַאר אַמֶענְטְשִׁין עֶר זָאל פַאר קוֹיפֶען זַיין טָאכְטֶער נָאר עֶר זָאל נִיט בָּארְגִין גֶעלְט צוּ צָאהלֶען פְרַאצֶענְט. וָוארוּם

קא מוספא ואזלא. לא באת לידו סוף שילוה ברבית שנאמר (ויקרא כה) וכי ימוך אחיך וכתיב (שם) אל תקח מאתו נשך ותרבית. לא באת לידו סוף שמוכר את עצמו שנאמר וכי ימוך אחיך עמך ונמכר לך. לא לך אלא לגר שנא' לגר. ולא לגר צדק אלא לגר תושב שנאמר לגר תושב. משפחת גר זה נכרי. כשהוא אומר לעקר זה הנמכר ונעשה משרת לע"ז עצמה:

(דף לא) ב **משנה** הגיע יום י"ב חדש ולא נגאלה היתה חלוטה לו אחד הלוקח ואחד הניתן לו במתנה שנא' (ויקרא כה) לצמיתת (ע"ב) בראשונה היה נטמן יום י"ב חדש שתהא חלוטה לו התקין הלל הזקן שיהא חולש את מעותיו בלשכה ויהא

מכירת שנת אינה שהשא שנתה אלא עד שיגיעו ימי נערות ואם בא לפדותה בתוך כך מחשב הימים שמכרה כמה מגיע לכל שנה שהיתה ראויה להיות ביד האדון ולפי אותו חשבון המגיע לכל שנה מנכה לו האדון לכל שנה ושנה שעמדתו כדאיתא בקידושין (דף יח) והפדה מלמד שמגרעת פדיונה ויוצאה: ונעשה משרת. נעשה משרת לע"ז לחטוב עצים ולשאוב מים:

(הרגה לאמיתות להלוטין וכן ויחלטו ממנו ענינם חלטו הענין ושמו אותו דין פסוק וההיך): היה נטמן. הלוקח ביום י"ב חדש כדי שלא ימצאהו מוכר ליתן לו מעותיו והוא חלוט לו: (הולש את מעותיו. הסבר שיהיה מניח ויחלוש ישובע ויהא פירושו שמרחה מעותיו בלשכה ואפשר שהוא לשון מיוחד לנתינת המעות): ז"ל רש"י: שיהא חולש.

אז ער פר קויפט זיין טאכטער קען ער זיא נאר פר קויפען ביז אאוים גיזעצטע ציית וויא עס שטייט אין די סדרה משפטים]. וועט דאך אלע יאהר אפ גירעכונט ווערין דאס געלט אונ ער ווערט אלע מאהל וויניגער שולדיג. אבער פראצענט וואקסט אונ ער ווערט אלע מאל אגרעסערער בעל חוב. אונ אז דא ביי שמטה שטייט אז ער וועט אזוי ארעם ווערין אז ער וועט מוזען בארגן געלט צו צאהלען פראצענט. ווייסען מיר אז פריער האט ער שוין פאר קויפט זיין טאכטער. זאגט דיא גמרא אז ער האנדילט ווייטער מיט דיא פירות פון שמטה. אונ ער האלט דאס ניט פאר אעבירה. וועט ער אזוי ארעם ווערין אז ער וועט מוזען בארגען געלט אונ צאהלען פראצענט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז דיין ברודער וועט ארעם ווערין אונ וועט דארפען דוא זאלסט איהם בארגין געלט זאלסטו ניט גנעמען פון איהם פראצענט. אונ אויב ער האנדילט ווייטער מיט דיא פירות פון שמטה. וועט ער אזוי ארעם ווערין אז ער וועט מוזען זיך אליין פר קויפען פאר אקנעכט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז דיין ברודער וועט ארעם ווערין אונ ער וועט מוזען פאר קויפט ווערין פאר אקנעכט צו דיר. אונ ניט נאר צו דיר [צו איוד] וועט ער פאר קויפט ווערין. נאר צו אגר וועט ער פאר קויפט ווערין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער וועט פאר קויפט ווערין צום גר. אונ ניט צו אאמת'ן גר וועט ער פאר קויפט ווערין. נאר צוא אגר תושב [דאס איז אגוי וואס האט זיך מגייר גיוועזן נאר ער זאל גלויבען אז עס איז דא אגאט אויף דער וועלט. אזוי וויא אייד גלויבט. נאר דיא מצות פון דער תורה היט ער ניט. אונ ווייל דער גוי וואס האט ניט גיגלויבט אין גאט האט ניט גיטארט זיצען אין ארץ ישראל. אונ דער גר האט יא גימעגט זיצען אין ארץ ישראל. דריבער האט מען איהם גירופען גר תושב. ער איז אגר נאר צו מעגין זיצען אין ארץ ישראל]. אונ ער וועט נאך מוזען פאר קויפט ווערין צו די משפחה פון גר. צו אגוי. אונ אז עס שטייט אין פסוק ער וועט מוזען פאר קויפט ווערין לעקר. דאס מיינט מען ער וועט מוזען פאר קויפט ווערין. ער זאל בדינען צו די עבודה זרה אליין. ער זאל האקין האלץ אונ שעפין וואסער אונ אויס קערין פאר דיא עבודה זרה אונ איר ריין מאכען אויס פוצען:

ב משנה. הגיע. דער דין איז אז ראובן האט פאר קויפט צוא שמעון אשטוב אין אזוי אשטאט וואס ארום איר איז דא אמאהער. האט ראובן צייט צוועלף חדשים אויס צוא לייזען דיא שטוב פון שמעון. אונ אז עס קומט דער לעצטער טאג פון צוועלפטין חודש אונ ראובן האט ניט אויס גילייזט. איז דיא שטוב געבליבען פאר פאלען ביי שמעון. סיי שמעון האט די שטוב גיקויפט ביי ראובן. אונ סיי ראובן הט די שטוב גישיינקט צו שמעון. בלייבט צלץ דיא שטוב פאר פאלען ביי שמעון נאך דיא צוועליף חדשים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק

ויהא שובר את הדלת, ונכנס אימתי שירצה והלה יבא ויטיל את מעותיו:

(דף לג) (נחמיה ח) ג ויעשו כל הקהל השבים מן השבי סכות וישבו בסכות כי לא עשו מימי ישוע וגו' אפשר בא דוד ולא עשה סכות (בא שלמה ולא עשה סכות) עד שבא עזרא אלא מקיש ביאתם בימי עזרא לביאתם בימי יהושע בן נון מה ביאתם בימי יהושע מנו שמיטין ויובלות וקדשו ערי חומה (נתחייבו בתרומות ומעשרות) אף ביאתם בימי עזרא וכו' ואידך דבעו רחמי על יצרא דע"ז ובטלום ואגון זכותא עלייהו כי סוכה (דף לג) (מ"ב כג) ויאמר מה הציון הלז אשר אני רואה ויאמרו אליו אנשי העיר הקבר איש האלהים אשר בא מיהודה ויקרא את

הולם על גויס וכדגרסיק מפילין תלשים על סקדשים שיכול מע"ל מעותיו ללשכה שבעזרה: ויהא שובר את הדלת. של בית שמכר ונכנס:
אלא מקיש ביאתם בימי עזרא. דהא כי לא עשו אלו הסוכות מסדר אלא ה"ק כי לא עשו הב שעשו עכשיו מימות יהושע ומאי ניהו קידוש הארץ: מה שמיטין. התחילו למנות שמיטין

חֲמִיתוֹת. אויף אייביג. אין אנהייב פלעגט דער קויפער זיך בעהאלטין דעם לעצטען טאג פון דעם צוועלפטין חודש. דער פאר קויפער זאל ניט קענען אים צוריק געבין דאס געלט. ווייל דיא שטוב בלייבען ביי אים אויף אייביג. האט הלל הזקן געמאכט אתקנה. אויב דער קויפער וועט זיך בעהאלטין. זאל דער פאר קויפער אריין ווארפען די געלט פון די שטוב אין צקאסטין אין די עזרה. אונ ער זאל צו ברעכין די טיר פון זיין שטוב אוב זיא איז פארשלאסין אונ ער זאל אריין גיין וואהנען אין זיין שטוב וועז ער וויל. אונ דער קויפער זאל קומען אין די עזרה אונ זאל אפ נעמען זיין געלט:

ג ויעשו. דאס גאנצע פאר זאמלונג פון יודען וואס האבען צוריק גיקערט פון גיפינקענעם (פון בבל) האבען גימאכט סוכות אונ זיי זענען גיזעסין אין די סוכות. ווארום זיי האבען ניט גימאכט (סוכות) פון דער צייט וואס יהושע בן נון האט גילעבט ביז איצט. פרעגט דיא גמרא ווי קען דאס זיין אז פון יהושע בן נין ביז איצט האבען יודען ניט גימאכט סוכות. דוד איז גיוועזען אמלך ביי יודין אונ ער האט גילאזען יודין זאלען ניט מאכען סוכות: שלמה איז גיוועזען אין מלך בייא יודען אונ ער האט גילאזען יודען זאלען ניט מאכען סוכות. ביז עזרא איז גיקומען האט מען איצט גימאכט סוכות. ענטפערט די גמרא די ווערטער זיי האבען ניט גימאכט. מיינט מען ניט זיי האבען ניט גימאכט סוכות. סוכות האבען יודען אלע מאהל גימאכט. נאר אזוי מיינט מען וואס די יודען האבען איצט גימאכט. האבען זיי ניט גימאכט פון דער צייט ווס יהושע בן נון האט גילעבט ביז איצט. ווארום מיר גלייכען דעם קומען פון יודען אין ארץ ישראל אין די צייט פון עזרא. צו דעם קומען פון יודען אין ארץ ישראל אין די צייט פון יהושע בן נון אזוי ווי ווען די יודען זענען גיקומען אין ארץ ישראל אין די צייט פון יהושע האבען זיי גיציילט זיבין אונ פערציג יאהר אונ דעם פופציגסטען יאהר האבען זיי גימאכט יובל: אונ די אלע שטעט וואס האבין גיהאט ארום אמאהער האבין זיי גיהייליגט. אונ זיי האבין אנגיהויבין צו געבין תרומה אונ מעשר. אזוי ווען זייא זענען אריין גיקומען אין ארץ ישראל אין די צייט פון עזרא, האבען זיי אויך אן גיהויבען צו ציילען שמטה אונ יובל אונ צו געבין תרומה אונ מעשר אונ זיי האבען גיהייליגט אלע שטעט וואס האבען ארום אמאהער. אונ דער אנדערער זאגט דיא יודען האבען גיבעטין גאט זאל פון זיי צו נעמען דעם יצר הרע פון עבודה זרה. אונ גאט האט פון זיי צו גינומען דעם יצר הרע פון עבודה זרה. אונ דער זכות האט בשיצט אויף דיא יודען אזוי ווי א סוכה. עס שטייט אין פסוק דער מלך יאשיהו האט גיפרעגט וואס איז דער צייכען (די מצבה) וואס איך זעה. האבען די מענטשין פון שטאט גיזאגט צום מלך דאס איז דר קבר פון דעם גאטליכען מאן וואס ער איז גיקומען פון יהודה אונ ער האט גירופען (גיזאגט) דיא אלע זאכען וואס דוא האסט גיטאהן אויף דעם מזבח וואס אין בית אל. פרעגט די גמרא ווי קומט

את הדברים האלה אשר עשית על המזבח בבית אל וכי מה טיבו של יאשיהו בבית אל אלא כשהחזירן ירמיהו יאשיה מלך עליהם רב נחמן בר יצחק אמר מהכא (הושע ו) גם יהודה שת קציר לך בשובי שבות עמי :

ונהחייהו במבשר : ומה טיבו של יאשיה בבית אל . והלא בית אל ממלכי ישראל היה ויאשיהו מלך יהודה היה כשהחזיר ירמיה לישראל מהגולה) : קציר . קיבוץ מתחלפת בריש כדכתיב נבוכדנאצר נבוכדראצר :

סליק מסכת ערכין

מסכת תמורה פרק ראשון

נשבע. מנ"ל דלוקה : נקיות כלל . דאין מלקין אותו ב"ד של מטה :

(דף ג) א אמר רב אידי בר אבין אמר רב עמרם א"ר יצחק אר"י רבי יהודה אומר משום ריה"ג כל לא תעשה שבתורה עשה בו מעשה לוקה לא עשה בו מעשה פטור חוץ מנשבע ומימר ומקלל חבירו בשם אע"פ שלא עשה מעשה חייב משום ר' יוסי בר"ח אמרו אף המקדים תרומה לבכורים נשבע מנ"ל א"ר יוחנן משום רשב"י אמר קרא (שמות כ) כי לא ינקה ה' את אשר ישא את שמו לשוא ב"ד של מעלה (ע"ב) אין מנקין אותו אבל ב"ד של מטה מלקין ומנקין אותו א"ל רב פפא לאביי ואימא לא תיהוי ליה נקיות כלל א"ל א"כ לכתוב קרא

יאשיהו אין בית אל . נאר ווען ירמיה האט צוריק גיקערט די יודען פון גלות האט יאשיהי אויף זיי געקיניגט. רב נחמן בר יצחק זאגט פון דעם פסוק גם יהודה שת קציר לך בשובי שבות עמי . דער ווארט קציר איז גלייך וויא עם וואלט גישטאנען קצין [אפירשט] . זאגט דער פסוק ווען איך וועל צוריק קערין די צוריק קערונג פון מיין פאלק דער מלך וואס קומט ארוים פון שבט יהודה וועט זיין אמלך אויף אלע יודען . אויף די צעהן שבטים אויך :

פרק ראשון

א אמר . רב אידי בר אבין האט גזאגט פון רב עמרם וועגין אז רבי יצחק האט גיזאגט פון רבי יותנס וועגין אז רבי יהודה האט גיזאגט פון רבי יוסי הגלילים וועגין אלע זאכען וואס עס שטייט אין דער תורה מען זאל דאס ניט טאהן . אונ ער האט יא גיטאהן . שלאגט מען איהם מלקות . אבער אז די תורה האט פאר באטין אזאך אונ אין דער זאך איז ניט דא קיין טוהאכץ . למשל די תורה הט גיזאגט מען זאל ניט ריידען רכילות . אונ ער הט יא גירעט. קומט איהם ניט קיין מלקות . נאר אז איינער שווערט פאלש . אדער ער האט גיזאגט אויף איין בהמה זי זאל זיין אקרבן . דער נאך זאגט ער די בהמה זאל זיין אומגיטאהשט אויף איין אנדער בהמה . אונ די אנדערע בהמה זאל זיין אקרבן אונ די ערשטע בהמה זאל שוין ניט זיין הייליג : אדער ער פלוכט דעם חבר מיט דעם נאמען פון גאט . אפילו ער האט דאך דא גאר ניט גיטאהן . ער האט נאר גירעט . פון דעסטוועגין קומט מען זאל איהם שלאגין מלקות . פון רבי יוסי ברבי חנינאם וועגין האט מען גיזאגט אז איינער גיט תרומה צום כהן איידער ער הט נאך גיברייננט בכורים . קומט אויך מען זאל איהם שלאגין מלקות . פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז אויף פאלש שווערין קומט מלקות . האט רבי יוחנן גיזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין עס שטייט אין פסוק גאט וועט ניט ריין לאזען דעם מענטש ווס ער וועט שווערין ביי זיין נאמען פאלש . דער בית דין וואס אויף דעם הימעל וועלין איהם ניט ריין לאזען פון די עבירה אבער דער בית דין וואס דא אויף דער ערד שלאגין איהם מלקות אונ ער ווערט ריין פון די עבירה . האט רב פפא גיזאגט צו אביי טאמער מיינט דיא תורה ער זאל גאר ניט ריין ווערין פון דיא עבירה . פון דעם בית דין וואס אויף דער ערד אויך ניט . האט אביי גיזאגט אויב דער

קרא לא ינקה ולשתוק ה' למה לי ב"ד של מעלה הוא דאין מנקין אותו אבל ב"ד של מטה מלקין ומנקין אותו:

ב **המקלל** את חבירו בשם מנ"ל א"ר אלעזר א"ר אושעיי אמו קרא (דברים כח) אם לא תשמור וכתיב (שם) והפלא ה' את מכותך הפלאה זו איני יורע מהו כשהוא אומר (שם כה) והפילו השופט והכהו לפניו הוי אומר הפלאה זו מלקות אימא אפילו שבועת אמת בהדיא כתיב (שמות כב) שבועת ה' תהיה בין שניהם אימא ה"מ לפיים את חבירו אבל מילקא לילקי לא מצית אמרת דהא כתיב (דברים ז) ובשמו תשבע ההוא מיבעי ליה לכדאמר רב גידל אמר רב מנין שנשבעין לקיים את המצוה שנאמר (תהלים קיט) נשבעתי ואקימה לשמור משפטי צדקך הא כתיב קרא אחרינא ובו

פירוש

אם לא תשמור לעשות וגו' עד ליראה את ה' שיתירא שלא להוציא את השם לבטלה וכן מקלל את חבירו בשם מוציאו לבטלה וכתיב והפלא ה' את מכותך שיטול מכות והיינו מלקות: אפילו שבועת אמת. דקא מזהר קרא דאפילו שבועות אמת לא ליעבד בש"ש ואי עביד והפלא ביטול מלקות: כהדיא כתיב. דשרי למעבד: לפייס חבירו. שלא יהא תובעו ממון אבל מילקא לילקי הואיל ומביא עצמו לידי שבועה: ובשמו תשבע. דשבועת אמת שריא למעבד: לקיים המצות. כדי שלא יוכל לחזור בו: שנאמר נשבעתי ואקימה וגו'. והאי איצטריך האי קרא ובשמו תשבע לאשמועינן דנשבע לקיים את המצוה מותר: הא כתיב קרא אחרינא ובשמו תשבע. חד בואתחנן וחד בוהיה עקב חד מיבעי ליה דנשבע לקיים את המצוה וחד לשבועות אמת: אלא למאי

פסוק מיינט אזוי. זאל שטיין אין פסוק כי לא ינקה את אשר ישא את שמו לשוא ער וועט ניט ריין לאזין דעם ווס וועט שווערין פאלש ביא זיין נאמען. צו וואס שטייט דער ווארט גאט. כי לא ינקה יי: צו זאגין אונז אז נאר דער בית דין וואס אין הימעל וועלין איהם ניט ריין לאזין. אבער דער בית דין וואס דא אויף דער ערד שלאגין איהם מלקות אונ מאכען איהם ריין פון דיא עבירה:

ב המקלל. אז איינער פלוכט זיין חבר מיט דעם נאמען פון גאט פון וואנען ווייסין מיר אז איהם קומט מלקות: האט רבי אלעזר גיזאגט פון רבי אושעיאס וועגין עס שטייט אין פסוק אויב דוא וועסט ניט היטען מורא צו האבען פאר דעם נאמען פון גאט [דוא זאלסט איהם ניט ארויס ריידען אומזיסט. ווען דוא דארפסט ניט. אונ צו פלוכין דעם חבר מיט דעם נאמען פון גאט געווים ניט] . והפלא יי את מכותך. דעם ווארט הפלאה ווייסען מיר ניט וואס מען מיינט. אז עס שטייט אין פסוק והפילו השופט והכהו לפניו [דער דיין זאל הייסין מען זאל דעם מענטש לייגין אונ מען זאל איהם שלאגין מלקות. איז דער ווארט הפלאה אויך דער טייטש אזוי וויא והפילו: אום ווארפין דעם מענטש צו שלאגין איהם מלקות. פרעגט דיא גמרא טאמער מיינט דער פסוק אפילו מען שווערט אאמתה שבועה ביי דעם נאמען פון גאט קומט אויך מלקות. ענפערט די גמרא אין די תורה שטייט אז מען מעג שווערין אאמתה שבועה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא שבועה פון גאט זאל זיין צווישען זיי ביידע. פרעגט דיא גמרא טאמער האט נאר די תורה גיהייסען שווערין איבער צו בעטין זיין חבר ער זאל איהם ניט מער מאנען דאס געלט וואס ער מאנט איהם. אבער פון דעסטוועגין קומט איהם מלקות אויף דר שבועה. ענפערט דיא גמרא מען קען ניט אזוי זאגין. ווארום עס שטייט אין פסוק מיט זיין נאמען מעגסטו שווערין [אויב עס איז נאר אמת]. פרעגט דיא גמרא דעם פסוק דארף מען דאך אזוי ווי רב גידל האט גיזאגט פון רבס וועגין פון וואנען ווייסין מיר אז מען דארף שווערין צו מקיים זיין אמצוה. ווארום עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט גיזאגט איך האב גישווארין אונ האב מקיים גיווען צו היטען דיינע פרומע גירעכטיגקייט [אונ פון וואנען האט גיוואוסט דוד אז מען מעג שווערין צו מקיים זיין אמצוה. ווייל עס שטייט אין דער תורה אונ מיט זיין נאמען זאלסט דוא שווערין]: אבער פון וואנען ווייסען מיר אז מען מעג שווערין אמת אפילו ניט צו מקיים זיין אמצוה. ענפערט די גמרא עס שטייט נאך אפסוק דוא זאלסט דיך בהעפטין מיט גאט אונ מיט זיין נאמען זאלסטו שווערין [אאמתה שבועה אפילו ניט צו מקיים זיין אמצוה]. נאר ווס דען מיינט דער פסוק דוא זאלסט מורא האבין פאר דעם נאמען פון גאט, [דוא זאלסט מיט איהם

(דברים י) ובו תדבק ובשמו תשבע אלא למאי אתא למקלל את חבירו בשם :

אתא. כלוי אם לא השמור וגו׳ : נמקלל את חבירו בשם . דודאי לקי אע״ג דלא עביד מעשה :

יש בקרבנות פרק שני

(דף יד) **א כי** סליק רב דימי אשכחיה לרב ירמיה דיתיב וקאמר משמיה דר׳ יהושע בן לוי מנין לנסכים הבאים עם הזבח שאין קרבים אלא ביום ת״ל (במדבר כט) ולנסכיכם ולשלמיכם מה שלמים ביום אף נסכים ביום אמר אי אשכחיה דכתיב איגרתא שלחיה לרב יוסף וכו׳ (ע״ג) ואי הוה ליה איגרתא מי אפשר למישלחא והא א״ר אבא בריה דר׳ חייא בר אבא א״ר יוחנן כותבי הלכות כשורפי התורה והלומד מהן אינו נוטל שכר ודרש ר׳ יהודה בר נחמני מתורגמניה דריש לקיש כתוב אחד אומר (שמות לד) כתב לך את הדברים האלה וכתוב אחד אומר (שם) כי על פי הדברים האלה לומר לך דברים שבעל פה אי אתה רשאי לאמרם בכתב ושבכתב אי אתה רשאי לאמרם על פה ותני דבי ר׳ ישמעאל כתב לך את הדברים האלה אלה אתה כותב אבל אי אתה כותב הלכות אמרי דילמא מלתא חדתי שאני דהא ר׳ יוחנן ור״ל מעייני בספרא דאגדתא בשבתא ודרשו הכי

עת

איהם ניט שווערין פאלש. אונ דוא זאלסט ניט פלוכען דיין חבר מיט דעם נאמען פון גאט ׃

פרק שני

א כי. אז רב דימי איז אויף גינאנגען אין ארץ ישראל האט ער גיטראפען אז רב ירמיה זיצט אונ זאגט פון רבי יהושע בן לוים וועגין פון וואנען ווייסען מיר אז די ווין וואס ווערט גיגאסען אויף דעם מזבח מיט דעם קרבן. ווערין זיי אנדערש ניט גיגאסין נאר ביי טאג. שטייט אין פסוק ולנסכיכם ולשלמיכם. אזוי וויא שלמים טאר מען אנדערש ניט מקריב זיין נאר ביי טאג. אזוי די ווין טאר אויך אנדערש ניט גיגאסען ווערין אויף דעם מזבח נאר ביי טאג. האט רב דימי גיזאגט אז איך וואלט געפינען אמענטשין וואס זאל מיר שרייבען אבריף וואלט איך איהם געשיקט צוא רב יוסף. פרעגט דיא גמרא אונ אז רב דימי וואלט שוין גיהאט אבריף וואלט ער דען איהם גיקענט שיקען צו רב יוסף. ווארום רבי אבא דער זוהן פון רבי חייא בר אבא האט גיזאגט פון רבי יוחנןס וועגין דיא וואס שרייבין דינים איז גלייך ווי זיי וואלטין פאר ברענט די תורה. אונ דער וואס לערונט פון די געשריבענע דינים נעמט ער ניט קיין שכר פאר זיין לערנען. אונ רבי יהודה בר נחמני דער מתורגמן פון ריש לקיש הט גידרשת אין איין פסוק שטייט גאט האט גיזאגט צו משה דו זאלסט שרייבען די רייד. אונ אין אנדערין פסוק שטייט כי על פי הדברים האלה. דורך דיא רייד וואס ווערט גיזאגט אויסווייניג האב איך מיט דיר כורת ברית גיוועזן. די צוויי פסוקים לערנען אונז די זאכען וואס זענען גיזאגט גיווארען אויסווייניג טאר מען זייא ניט שרייבען אונ ניט זאגין פון דאס געשריבענע. אונ דיא זאכען וואס זענען געשריבען גיווארין טאר מען זיי ניט זאגין אויסווייניג. נאר מען מוז זיי זאגין פון דם געשריבענע. אונ דבי רבי ישמעאל האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט דיר שרייבין די רייד ׃ די רייד מעגסטו שרייבין. אבער דינים טארסטו ניט שרייבין. איז דאך אקשיא אויף רב דימי׃ האט רב דימי גיענפערט אנייעם דין מעג מען שרייבין. ערשטינס עס זאל ניט פאר געסין ווערין. אונ צווייטינס אז עס וועט זיין געשריבען וועלין אלע קענען וויסען דעם דין. ווארום רבי יוחנן אונ ריש לקיש האבין גילערונט אום שבת אין אספר אגדות וואס ער איז גיוועזן געשריבען׃ אונ זיי האבין אזוי גידרשת עס שטייט אין פסוק עס איז אמאהל אצייט צו טאהן פאר גאטס וועגין אונ מען זאל שטערין די תורה. רבי יוחנן אונ ריש לקיש האבין גיזאגט עס איז בעסער עס זאל אויס געריסען ווערין איין דין פון די תורה׃ נאר דיא גאנצע תורה זאל ניט פר געסין

(תהלים קיט) עת לעשות לה' הפרו תורתך אמרי מוטב תיעקר תורה ואל תשתכח תורה מישראל:

ב מי איכא למ"ד דנזיר לאו נידר ונידב הוא והכתיב (ש"ב טו) ויהי מקץ ארבעים שנה ויאמר אבשלום אל המלך אלכה נא ואשלם את נדרי אשר נדרתי לה' בחברון כי נדר נדר עבדך וגו' מאי לאו אקרבן לא אעיקר נדרו קאמר. עיקר נדרו בחברון הוה והלא בגשור הוה אמר רב אחא ואיתימא רבה בר רב חנן לא הלך אבשלום אלא להביא כבשים מחברון הכי נמי מסתברא דאי תימא לאקרובי הוא דאזיל שביק ירושלים ואזיל ומקריב בחברון ואלא מאי להביא כבשים מחברון האי אשר נדרתי לה' בחברון מחברון מיבעי ליה אלא לעולם לאקרובי ודקא קשיא לך אמאי שביק ירושלים ומקריב בחברון תיקשי לך גבעון דמקים קדוש הוא אלא כיון

פירוש

אמר. רב דימי: אי אשכחיה. אם הייתי מוצא אדם הייתי כותב אגרת והייתי שולח לרב יוסף לבבל: כשורפי התורה. באין מלמדין אותן בכבה מפני כדליקה. ל"א שאסור לשאול כתובים דתורה שבע"פ היא: ונלמד מהן. מתוך הספרים: הדהי. הדפים של א היו יודעים לתרץ הברייתות הדתי לחדש דבר כגון זו שחדשה היא: מעיינו בספרא דאגדתא. פנאי ישהכהו: עת לעשות לה'. כשעוסקין בדבר לשם קדושה כי ראוי לבטל תורתך: אשר נדרתי לה' בחברון. משמע בחברון הלך והשלים שם נדרי והוא נדר נזירות כיון דאבשלום נזיר עולם היה ומשלשים לשלשים יום היה מגלח ומביא קרבן ומהלך להקריב קרבנות נזירותיו בחברון דהיא במת יחיד שאין מקריבין בה אלא נדר ונדבה הוא: אעיקר נדרו קאי. כלומר ואהדרין וה"ק אלכה נא לבמה גדולה בגבעון דהתם הוה מזבח שעשה משה ואשלמה נדרי שנדרתי בחברון אבל לא אביא הקרבן בחברון: והא בגשור וכו'. דכתיב כי נדר נדר עבדך בשבתי בגשור וגו': להביא כבשים. ולהקריבם שוב בבמה גדולה וה"ק אשלמה את נדרי כלו' אשלמה את נזירותי ואגלח ומחברון אביא הכבשים ולהכי פריך מחברון מיבעי ליה: בחברון. בו כבשים במנים במסכת מנחות: אלא לעולם לאקרובי. דנזירות בבמת יחיד: תקשי לך גבעון.

ווערין וואס מיינט מען עס איז בעסער מען זאל שרייבען די תורה ווס מען בארף לערנען אויס ווייניג: די תורה זאל ניט פר געסין ווערין:

ב מי. פרעגט דיא גמרא איז דען דא איינער וואס זאל זאגען אז אנזיר הייסט ניט אנדר אונ ניט אנדבה. עס שטייט דאך אין פסוק אונ עס איז געוועזען צום סוף פערציג יאהר האט אבשלום גזאגט צום מלך איך וועל גיין אונ וועל בצאהלען מיין נדר וואס איך האב אנדר גיטאהן צוא גאט אין חברון ווארים דיין קנעכט האט אנדר גיטאהן. האט מען איצט גילערנט וואס אבשלום האט גזאגט אין חברון מיינט ער אין חברון וועל איך בצאהלען דעם נדר. ווארום דער נדר וואס אבשלום האט גיטאהן איז דאס געוועזען ער זאל זיין אנזיר. איז ער גיגאנגען אין חברון צוא מקריב זיין דיא קרבנות פון זיינע נזירות. אונ ווייל אין חברון איז נאר געוועזען אבמה אונ אויף אבמה טאר מען מער ניט מקריב זיין נאר נדרים אונ נדבות. געוויס איז דיא קרבנות פון אנזיר אויך אנדר אדער אנדבה. ענטפערט דיא גמרא אין חברון מיינט מען ער האט גיטאהן דעם נדר אין חברון. אונ אזוי האט אבשלום גזאגט איך וועל גיין אין גבעון מקריב זיין קרבנות אויף די גרויסע במה וואס דארט מעג מען מקריב זיין אלע ערליי קרבנות אונ איך וועל בצאהלען מיין נדר וואס איך האב אנדר גיטאהן אין חברון. אונ ווייל ער איז גיגאנגען מקריב זיין דיא קרבנות פון נזירות אין גבעון. איז דאך נזירות ניט אנדר אונ ניט אנדבה. פרעגט דיא גמרא איז דען געוועזען דער נדר פון אבשלום אין חברון. דער נדר איז דאך געוועזען אין גשור. האט רב אחא גזאגט אנדערע זאגען רבה בר רב חנן האט גזאגט אבשלום איז נאר גיגאנגען אין חברון צו קויפען פון דארט שעפסין. אונ מקריב זיין זאל ער זיי אין גבעון אויף דיא גרויסע במה. אונ מען זעהט אז עס איז אזוי. ווארום אז דוא וועסט זאגין ער איז גיגאנגען אין חברון ער זאל דארט מקריב זיין דיא קרבנות. פאר וואס האט ער פר לאזין ירושלים אונ איז גיגאנגען מקריב זיין אין חברון. האט ער בעסער בדארפט מקריב זיין אין ירושלים. פרעגט דיא גמרא ווי דען זאגסטו ער איז גיגאנגען אין חברון צו ברייגגען פון דארט שעפסין. פר וואס שטייט אין פסוק איך האב אנדר גיטאהן צו גאט בחברון. אין חברון. אין חברון האט ער דאך ניט גיטאהן דעם נדר. אונ אין חברון איז ער ניט מקריב דיא קרבנות. נאר ער ברייגגט שעפסין פון חברון. דארף דאך שטיין מחברון פון חברון. ענטפערט די גמרא ער איז טאקי גיגאנגען אין חברון ער זאל אין חברון מקריב זיין די קרבנות. נאר וואס איז דיא קשיא פר וואס האט ער אוועק גילאזין אין ירושלים אונ האט מקריב גיוועזן

כיון שהותרו הבמות כל היכא דבעי מקריב:

ג ארבעים שנה למאן תניא ר' נהוראי אומר משום ר' יהושע מקץ מ' שנה ששאלו להם מלך דתניא אותה שנה ששאלו להם מלך עשירית של שמואל היתה (דף טו) י' שנים מלך שמואל בעצמו שנה אחת שמלך שאול ושמואל ושתים שמלך שאול בעצמו ול"ז שמלך דוד:

(ע"ב) ד במתניתא תנא כל אשכולות שעמדו לישראל מימי משה עד שמת יוסף בן יועזר איש צרדה לא היה בהם שום דופי מכאן ואילך היה בהם שום דופי והתניא מעשה בחסיד אחד שהיה גונח מלבו ושאלו לרופאים ואמרו אין לו תקנה עד שיינק חלב רותח שחרית והביאו עז וקשרו ליה בכרעי מטתו והיה יונק ממנה חלב למחר נכנסו חבריו לבקרו כיון שראו עז אמרו ליסטים מזויין בהוך ביתו ואנו נכנסים לבקרו ישבו ובדקו ולא מצאו בו עון אלא של אותה העז בלבד ואף הוא בשעת מיתתו אמר יודע אני בעצמי שאין בי עון אלא

דהם מזבח בעבה משה: דופי. קס"ד דופי של הטא לא היה באשכולות שעמדו פרנסים על ישראל: גונח. צועק מכאב לבו כמו גנוחי גנח דאימיה דכיסרא: לסטים מזויין. בהמה דקה אין יכולין לשמרה והולכה ורועה בשדות אחרים: ורבנן. והך רבנן ר"י בר אלעאי ור"י בן בבא: בתר יוסף בן יועזר דרי הוו. כלומר אחר יוסף בן יועזר היו אלו לאחר דורות הרבה וקתני דלא מצאו בהם עון אלמא לא היה בהם דופי: דופי של סמיכה. דעד יוסף ב"י לא נחלקו בסמיכה ולא בשום דבר בעדיין לא נתמעט הלב ולהכי נקט סמיכה דהיא היתה מחלוקת ראשונה שנחלקו בו חכמים בעולם ומיוסף ב"י ואילך היה בהן דופי של סמיכה שנחלקו בסמיכת שלמים בי"ט כדאמרינן בחגיגה שמאי אומר לסמוך והלל אומר

אין חברון איז דאך מער קשיא פאר וואס האט ער אוועק גיגאנגען גבעון. וואס גבעון איז גיוועזן דער הייליגסטער ארט. ווארום דארט איז גישטאנען דער מזבח וואס משה רבינו האט גימאכט. נאר ווייל מען האט גימעגט מקריב זיין א קרבן אויף איין שטיין אויך. וואו מען האט גיוואלט האט מען מקריב גיוועזן זענען גיוועזן אלע ערטער גלייך:

ג ארבעים. עס שטייט אין פסוק צום סוף פערציג יאהר האט אבשלום גזאגט ער וועט גיין בצאהלען זיין נדר. פון וועלכער זאך איז גיוועזן דיא פערציג יאהר. רבי נהוראי זאגט פון רבי יהושע'ס וועגן דאס איז גיוועזן צום סוף פערציג יאהר וויא דיא יודען האבען גיוואלט עס זאל זיין אויף זיי א מלך: ווארום מיר האבען גילערנט דער יאהר וואס די יודען האבען אין איהם גיוואלט עס זאל זיין אויף זיי א מלך. איז דאס גיוועזן דער צעהנטער יאהר פון שמואל. צעהן יאהר האט שמואל אליין געקיניגט אויף דיא יודען. ופון דער צייט האבען די יודן גיוואלט א מלך. פון דער צייט בארפען מיר רעכענען דיא פערציג יאהר. איז אזוי גיוועזן איין יאהר האט געקיניגט שאול אונ שמואל: ביידע צו זאמען. אונ צוויי יאהר האט שאול אליין געקיניגט. אונ זיבען אונ דרייסיג יאהר האט דוד געקיניגט אויף די יודען. בײ דער צייט האט אבשלום אן גהויבען צו וועלין זיין א מלך:

ד במתניתא: אין א ברייתא האבען מיר גילערנט דיא אלע פירערס וואס זענען גיוועזן אויף יודען פון משה רבינו ביז יוסף בן יועזר איש צרדה איז גישטארבען איז אויף זיי ניט גיוועזן קיין דופי נקיין עבירה. פרעגט דיא גמרא אויף דיא פירערס ווס זענען גיוועזן נאך יוסף בן יועזר איז אויף אלע גיוועזן עבירות. מיר האבען דאך גילערנט עס איז אמאהל גיוועזן א חסיד וואס ער האט גיקרעכצט די הארץ טוהט איהם וויי. האט מען גיפרעגט ביי דאקטורים וואס מען זאל טאן. האבען די דאקטורים גזאגט ער האט ניט קיין אנדער הילף סיידין אלע פריה מארגין זאל ער זייגין פון א בהמה די הייסע מילך. האט מען גיברייננגט א קאזע אונ מען האט איר צו גיבונדען צו דיא פיס פון זיין בעט אונ ער האט גיזויגען פון איר דיא מילך. צו מארגין זענען גיקומען די חברים פון דעם חסיד זעהן וואס ער מאכט. וויא זיי האבען דער זעהן דיא קאזע האבען זייא גזאגט א גזלן איז דא ביי איהם אין שטוב וועלין מיר אריין גיין צו איהם וא קאזע איז א גזלן ווייל זי עסט פון פרעמדע פעלדער אונ מען קען זיך ניט אפ היטען פון איהר. זענען דיא חברים גיזעסען אונ האבען גיזוכט דיא מעשים פון דעם חסיד אונ זייא האבין אויף אים ניט גיפינען קיין אנדער

אלא של אותה העז בלבד שעברתי על דברי חברי שהרי אמרו חכמים אין מגדלין בהמה דקה בא"י וקיי"ל כל היכא דאמרינן מעשה בחסיד אחד או ר' יהודה בן בבא או ר' יהודה בר אילעאי ורבנן בתר ייסף בן יועזר איש צרידה דרי דרי הוו (דף טז) א"ר יוסף דופי של סמיכה קתני והא יוסף בן יועזר גופיה מיפלג פליג בסמיכה כי איפליג בה בסוף שניה דבציר ליבא:

בלא לסמוך: והא יוסף גופיה איפליג ביה. בנוס' חגיגה: דבציר ליבא. שנתמעט הלב בסוף במותיו נבתכהו: במתו בעליה. שהפרישה ולא הספיק נקרבה עד שמת

ה אמר רב יהודה אמר שמואל שלשת אלפים הלכות נשתכחו בימי אבלו של משה אמרו לו ליהושע שאל אמר להם (דברים ל) לא בשמים היא אמרו לו לשמואל שאל אמר להם (במדבר לו) אלה המצות שאין נביא רשאי להדש דבר מעתה א"ר יצחק נפחא אף חטאת שמתו בעליה נשתכחה בימי אבלו של משה אמרו לפנחס שאל אמר להם לא:

בשמים

עבירה נאר דיא איינע מיט דער קאזע . אונ דער חסיד אליין אליין איידער ער איז געשטארבין האט ער גזאגט איך ווייס ביי מיר אליין אז איך האב ניט קיין עבירה . נאר דיא עבירה פון דער קאזע . וואס איך האב ניט געפאלגט מיינע חברים וואס זייא האבען גזאגט אז מען טאר ניט האלטען אקאזע אין שטוב . אזוי וויא עס שטייט אין דער משנה מען טאר ניט ארעזען קיין יונגע בהמות אין ארץ ישראל . אונ מיר האבען געלערנט וואו מען זאגט עס האט אמאהל געטראפען אזאך ביי אחסיד . דער חסיד איז געוועזען רבי יהודה בן בבא אדער רבי יהודה בר אילעאי . אונ דיא רבנן זענען דאך געוועזען פירערס ביי יודען אין פיל יאהרען שפעטער נאך יוסף בן יועזר איש צרדה אונ זייא האבען אויך ניט גיהאט קיין עבירה . האט רב יוסף גזאגט דעם וואָרט דופי מיינט מען ניט עבירות . נאר מען מיינט סמיכה : אונ אזוי זאגט דיא גמרא פון משה רבינו ביז יוסף בן יועזר האט מען געוואוסט אלע דינים ריכטיג אונ עס איז ניט געווע קיין דופי נקיין קריגן דיא חכמים האבען גאר ניט געקריגט איינער מיט דעם אנדערין . נאר דער נאך וויא יוסף בן יועזר איז געשטארבען האבען שוין דיא חכמים אן גיהויבען צו קריגען אין דיא דינים . אונ דיא ערשטע קריג איז געוועזען אין סמיכה נאז מען ברייננגט אקרבן איידער מען שעכט אים דארף דער בעל הבית ארויף לייגען זיינע הענט אויף דעם קאפ פון דעם קרבן . האבען דיא חכמים געקריגט אויף דעם קרבן וואס מען ברייננט אום יום טוב זאל מען אויך ארויף לייגען דיא הענט אויף זיין קאפ אדער ניין . פרעגט דיא גמרא יוסף בן יועזר אליין האט דאך אויך געקריגט אין דעם דין פון סמיכה . ענטפערט דיא גמרא ער האט געקריגט אין זיינע לעצטע יאהרין . ווייל דיא הערצער פון דיא חכמים וואס זענען געוועזן אין זיינע לעצטע יאהרין זענען שוין ווייניגער געוועזן אין חכמה . איז שוין די תורה אביסעל פאר געסין געווארין . דריבער האבען זייא געקריגט מיט איהם אין דעם דין פון סמיכה . דער נאך האט מען שוין געקריגט אין פיל דינים :

ה אמר . רב יהודה האט גזאגט פון שמואלס וועגין אין דיא דרייסיג טעג וואס די יודען האבען געטרויערט אויף משה איז פון זייא פאר געסין געווארען דריי טויזענד דינים . האבען די יודען גזאגט צו יהושע פרעג ביי גאט ער זאל דיר זאגען דיא פארגעסענע דינים . האט יהושע גזאגט דיא תורה איז שוין ניט אין הימעל . גאט וועט שוין נאך אמאהל ניט לערנען די תורה מיט קיין מענטש . האבען דיא יודען ניט געוואוסט דיא דינים ביז צו דער צייט פון שמואל הנביא . ווען שמואל הנביא איז געוועזן האבען דיא יודען גזאגט צו שמואל הנביא פרעג דוא דיא פאר געסענע דינים . האט שמואל גיענטפערט עס שטייט אין דער תורה אלה המצות . דס זענען דיא מצות . אבער אנדערע מצות טארין ניט זיין . אנביא טאר ניט זאגען נייע מצות וואס שטייט ניט אין דער תורה :

רבי יצחק נפחא האט גזאגט אז איינער האט אפ געשיידט אבהמה אונ ער האט גזאגט

בימים היא א"ל לאלעזר שאל אמר להם אלה המצות שאין נביא רשאי לחדש דבר מעתה . אמר רב יהודה אמר רב בשעה שנפטר משה רבינו לג"ע א"ל ליהושע שאל ממני כל ספקות שיש לך א"ל רבי כלום הנחתיך שעה אחת והלכתי למקום אחר לא כך כתבת בי (שמות לג) ומשרתו יהושע בן נון נער לא ימיש מתוך האהל מיד תשש כחו של משה (ס"א יהושע) ונשתכחו ממנו ש' הלכות ונולדו לו ת"ש ספקות ועמדו כל ישראל עליו להרגו א"ל הקב"ה לומר לך אי אפשר לך וטורדן במלחמה שנאמר (יהושע א) ויהי אחרי מות משה ויאמר ה' וגו' במתניתא תנא אלף ות"ש ק"ו גזרות שוות ודקדוקי סופרים נשתכחו בימי אבלו של משה אמר ר' אבהו אעפ"כ החזירן עתניאל בן קנז מתוך פלפולו שנאמר (שם טו) וילכדה עתניאל בן קנז אחי כלב ויתן לו את עכסה בתו לאשה ולמה נקרא שמה עכסה א"ר יוחנן שכל הרואה אותה כועס

אם הקרב אם לאו : תשש כחו של משה . נעטר על הסיה גדול כמותו : ועמדו כל ישראל להרגו . עד שיאמר להם : ודקדוקי סופרים . כגון דאמריק ט"ו נשים פוטרות צרותיהן י"ג דברים נאמרו בנבלת עוף טהור מגאוס יחד שלא ישתכחו והוהם שלא מגאוס יחד כאלו נשתכחו בימי אבלו של משה : וילכדה עתניאל . לקרית ספר ומאי קרית ספר הלכות : כועס על אשתו .. מגוז יפיה של

דיא בהמה זאל זיין אקרבן חטאת אויף דיא עבירה וואס איך האב גיטאהן . אונ דער מענטש איז גישטארבען . זאל מען מקריב זיין דעם חטאת אדער ניין . דער דין איז אויך פאר געסין גיווארען אין דיא צייט וואס מען הט גיטרויערט אויף משה . האבען דיא יודען גזאגט צו פנחס פרעג ביי גאט ער זאל דיר זאגען דעם דין . האט פנחס גיענפערט אזוי וויא יהושע דיא תורה איז שוין ניט אין הימעל . האבען דיא יודען גזאגט צו אלעזר פרעג ביי גאט ער זאל דיר זאגען דעם דין . האט אלעזר גזאגט עס שטייט אין דער תורה אלה המצות . דאס זענען די מצות : אבער אנדערע מצות טארין ניט זיין . א נביא טאר ניט זאגען נייע מצות וואס שטייט ניט אין דער תורה :

רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין איידער משה רבינו איז אוועק גיגאנגען פון דער וועלט צו גיין אין גן עדן . האט ער גזאגט צו יהושע אלע זאכען וואס דוא ווייסט ניט פרעג ביי מיר וועל איך דיר זאגען . האט יהושע גזאגט צו משה רבי האב איך דען דיך אוועק גילאזן אויף איין שעה אונ בין גיגאנגען אויף איין אנדער ארט . האסטו דען ניט געשריבען אין דיין תורה אויף מיר אונ זיין בדינער יהושע בן נון איז גיוועזן יונג אונ ער איז ניט אפ גיטאהן גיווארן פון דעם גיצעלט (וואו משה האט גילערנט) . איז באלד שוואך גיווארן דער כח פון משה . ווייל ער האט גיזעהן אז יהושע איז אזוי גרויס אין חכמה ווי ער . אונ עס איז באלד פר געסין גיווארן פון יהושע דריי הונדערט דינים אין גאנצען . אונ אויף זיבען הונדערט דינים איז איהם גיווארען ספקות . ער האט ניט געוואוסט וויא דער דין איז . האבען אלע יודען גיוואלט הרגנן יהושען ער זאל זייא זאגען דיא פאר געסענע דינים . האט גאט גיזאגט צו יהושע איך זאל דיר זאגען די אלע דינים וואס דיר פעלט אונ וואס דוא ווייסט ניט . קען איך ניט . גאר גיי בשעפטיג דיא יודען מיט א מלחמה . וועלין זייא דיך אפ לאזין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער נאך וויא משה איז גישטארבען האט גאט גזאגט צו יהושע ער זאל מיט דיא יודען אריבער גיין דעם ירדן אונ מלחמה האלטען מיט די פעלקער פון ארץ ישראל :

אין אברייתא האבען מיר גילערנט טויזענד מיט זיבען הונדערט קל וחומרים אונ גזרות שוות אונ דקדוקי סופרים זענען פאר געסין גיווארען אין דיא צייט וואס מען האט גיטרויערט אויף משה רבינו . רבי אבהו זאגט פון דעסטוועגין האט עתניאל בן קנז צוריק אפ גילערנט די אלע גזרות שוות אונ קל וחומרים מיט זיין שכל וואס ער האט גיקלערט אין דער תורה . אזו ווי עס שטייט אין פסוק עתניאל בן קנז דער ברודער פון כלב האט איין גענומען קרית ספר (דיא שטאט מיט ספרים . דאס מיינט מען ער האט גילערנט דיא אלע דינים וואס זענען פר געסין גיווארען אין דיא צייט ווען מען האט גיטרויערט אויף משה) . אונ כלב האט גיגעבין זיין טאכטער עכסה צוא עתניאל פאר א ווייב . פאר וואס האט מען זיא גירופען עכסה . רבי יוחנן זאגט דיא

עככה: ותצנח. לשון מיתה לועקת: שאין בו אלא תורה בלבד. בכתורה נרלאה מים ועתניאל לא היה עשיר אלא חכם. (והיינו דכתיב קרית ספר): ממגב. הרב ויבש מכל טוב: גלות מים. התורה כלומר אדם שהתורה גלויה לו: (שכל רזי עולם וכו'. שהתורה גלויה לו): יבקש ממנו מזונה. דהאי זהאי לא ילטרך דכתיב כה היתה כאניות סוחר וגו': תורגו

כועס על אשתו. (שם) ויהי בבואה ותסיתהו לשאול מאת אביה שדה ותצנח מעל החמור וגו' אמר רבא א"ר יצחק אמרה לו וכה המור זה כיון שאין לו מאכל באבוסו מיד צועק אף אשה כיון שאין לה תבואה בתוך ביתה מיד צועקת. והאמר הנה לי ברכה כי ארץ הנגב נתתני בית שמנוגב ככל טובה. ונתתה לי גלות מים אדם שאין בו אלא תורה בלבד. ויתן לה את גלות עליות ואת גלות התחיות אמר לה מי שדר עליונים ותחתונים יבקש ממנו מזונות. וכלב בן קנז הוא והא בן יפונה הוא מאי יפונה שנפנה מעצת המרגלים ואכתי בן קנז בן וחצרון הוא דכתיב (דה"א ב) וכלב בן חצרון הוליד את עזובה אמר רבא חורגיה דקנז הוה דיקא נמי דכתיב בן יפונה הקנזי ולא כתיב בן קנז ש"מ. תנא הוא עתניאל הוא יעבץ ומה שמו יהודה אחי שמעון שמו עתניאל שענאו אל יעבץ שיעץ ורבץ תורה בישראל וכנ"ל דענאו אל דכתיב (שם ד) ויקרא

אותיות עכסה זענען דיא אותיות בעס. דער מענטש וואס האט געזעהן דיא עכסה איז ער אין כעס געווארען אויף זיין ווייב. פאר וואס זיא איז ניט אזוי שיין וויא דיא עכסה. עס שטייט אין פסוק ווען זיא איז געקומען האט זיא איהם אן גערעט ער זאל בעטין פון איר פאטער א פעלד: ותצנח מעל החמור. האט זיא אגישרייא געטאהן פון דעם אייזיל: רבא האט געזאגט פון רבי יצחק וועגין זיא האט געזאגט צו איר מאן אזוי וויא דער אייזיל אז ער האט ניט קיין עסין אין זיין קארעטע שרייט ער באלד. אזוי א אשה אז זיא האט ניט קיין תבואה אין שטוב שרייט זיא באלד. האט עכסה געזאגט צום פאטער גיב מיר א קוואל וואסער ווארום דוא האסט מיר געגעבין א טרוקענע לאנד. דוא האסט מיר געגעבין א שטוב וואס איז טרוקען פון אלעם גוטען. דוא האסט מיר געגעבין קוואלען וואסער. דוא האסט מיר געגעבין א מאן וואס ער האט ניט מער נאר תורה אליין: אבער פרנסה האט ער ניט. האט דער פאטער איר געגעבין דיא אויבערשטע קוואלען אונ דיא אונטערשטע קוואלען: ער האט צו איר געזאגט דוא זאלסט בעטין פרנסה פון דעם וואס וואהנט הויבען אונ אונטען. פון גאט:

פרעגט דיא גמרא איז דען כלב געוועזען דער זוהן פון קנז. ער איז דאך געוועזען דער זוהן פון יפונה. ענטפערט דיא גמרא יפונה איז ניט געוועזען דער נאמען פון זיין פאטער נאר מען האט גירופען דעם כלב יפונה ווייל יפונה איז דער טייטש אפ קערין. ווייל כלב האט זיך אפ געקערט פון דיא עצה פון דיא מרגלים: פרעגט דיא גמרא איז דען כלב געוועזען דער זוהן פון קנז ער איז דאך געוועזען דער זוהן פון חצרון. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק כלב דער זוהן פון חצרון האט געמאכט געבארין דיא עזובה. ענטפערט דיא גמרא דער פאטער פון כלב האט טאקי געהייסען חצרון. נאר חצרון איז געשטארבען האט די מוטער פון כלב גענומען איין אנדערער מאן ער האט געהייסען קנז. איז כלב געוועזען א שטיף זוהן פון דעם קנז. אונ ער איז גירופען געווארין אויף זיין נאמען. איין בעווייזונג איז ווארום עס שטייט אין פסוק כלב בן יפונה הקנזי. אונ עס שטייט ניט בן קנז (דער זוהן פון קנז). ווייל ער איז ניט געוועזען דער זוהן פון קנז. נאר א שטיף זוהן:

מיר האבען געלערנט עתניאל איז דער זעלביגער וואס יעבץ. אונ וויא איז געוועזען זיין אמת'ר נאמען. יהודה דער ברודער פון שמעון. עתניאל האט מען איהם גירופען ווייל שענאו אל. גאט האט איהם געענפערט. יעבץ האט מען איהם גירופען ווייל ער האט געגעבין עצות אונ ער האט געמערט פיל תורה ביא דיא יודין. אונ פון וואנען ווייסען מיר אז גאט האט איהם געענפערט. ווארום עס שטייט אין פסוק יעבץ האט גירופען צום גאט פון דיא יודען אונ ער האט געזאגט אויב דוא וועסט מיך בענטשין (מיט תורה). אונ דוא וועסט מערין מיין גרענעץ

ויקרא יעבץ לאלהי ישראל לאמה אם ברך תברכני וגו' אם ברך תברכני בתורה והרבית את. גבולי בתלמידים והיתה ידך עמי שלא ישתכח תלמודי מלבי ועשית מרעה שיזדמנו לי רעים כמותי לבלתי עצבי שלא ישגבני יצה"ר מלשנות אם אתה עושה כן מוטב ואם לאו הריני הולך בנסיסי לשאול מיד ויבא אלהים את אשר שאל כיוצא בדבר אתה אומר (משלי כט) רש ואיש תככים נפגשו מאיר עיני שניהם ה' בשעה שתלמיד הולך אצל הרב ואומר לו למדני תורה אם מלמדו מאיר עיני שניהם ה' ואם לאו (שם כב) עשיר ורש נפגשו עושה כלם ה' מי שעשאו חכם לזה עושה אותו טפש טפש לזה עושה אותו חכם זו משנת ר' נתן ר"י הנשיא אומר אם ברך תברכני בפריה ורביה והרבית את גבולי בבנים ובבנות והיתה ידך עמדי במשא ומתן ועשית מרעה שלא יהא בי מיחוש ראש ומיחוש אזנים ומיחוש עינים לבלתי עצבי שלא ישגבני יצה"ר מלשנות אם אתה עושה כן מוטב ואם לאו הריני הולך בנסיסי לשאול ויבא אלהים את אשר שאל כיוצא בדבר אתה אומר רש ואיש תככים נפגשו וגו' בשעה שעני הולך אצל בעה"ב ואומר פרנסני אם מפרנסו

פירוש: מורגו. בן אחתו: שלא ישגבני יצר הרע מלשנות. שלא יבטלני מלימוד תורה: בנסיסי לשאול. כשלביני לקבר וכריה מה ויתעלכו מתרגמינן ואתנסיסו: כיוצא בדבר אתה אומר. שכל המוסר עצמו לחזור אחר תורה ממלאין לו משאלותיו: תככים. בינוני שאינו חכם גמור: מאיר עיני שניהם. שאף הרב צריך עדיין לימוד ומלמדו הקב"ה: עושה כולם. עכשיו הוא מתחיל לעשותם חדשים לזה חכם ולזה טיפש: כיוצא בדבר וכו'. שהמבקש על מזונותיו ועל צרכיו שמזקקין לו מן השמים למלא משאלותיו:

מִיט תַּלְמִידִים) . אוּנ דַיין הַאנְט וֶועט זַיין מִיט מִיר (מַיין לֶערְנֶען וֶועט נִיט פַאר גֶעסִין וֶוערִין פוּן מַיין הַארְץ) . אוּנ דוּא וֶועסְט טָאהן צוּ מִיר חֲבֵרִים וֶועם זָאלֶען זִיךְ בַּהֶעפְטְן צוּא מִיר גוּטֶע פְרַיינְד אַזֶעלְכֶע וִויא אִיךְ בִּין) . דוּא זָאלְסְט מִיךְ נִיט טְרוֶּערִיג מַאכֶען (דֶער יֵצֶר הָרָע זָאל זִיךְ נִיט שְׁטַארְקֶען אוֹיף מִיר מִיךְ צוּ שְׁטֶערִין פוּן מַיין לֶערְנֶען) . אוֹיבּ דוּא וֶועסְט צוּא מִיר אַזוֹי טָאן אִיז גוּט . אוּנ אוֹיבּ נִיט וֶועל אִיךְ גֵיין מִיט מַיין טְרוֶּיעֶר בִּיז אִין קֶבֶר . הָאט גָאט אִיהם בַּאלְד גִיגֶעבֶּען וָואס עֶר הָאט גִיבֶּעטֶען . נָאךְ אַזוֹי אַנְגְלַייכֶען גֶעפִינֶען מִיר . אַז דֶער וָואס וִויל לֶערְנֶען תּוֹרָה גִיט אִיהם גָאט וָואס עֶר וִויל . עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק רָשׁ וְאִישׁ תְּכָכִים נִפְגָּשׁוּ מֵאִיר עֵינֵי שְׁנֵיהֶם ה' . דֶער פָּסוּק מֵיינְט אַזוֹי , אַז אַתַּלְמִיד גֵייט צוּ אַרֶבִּי אוּנ עֶר זָאגְט צוּא אִיהם לֶערִין מִיט מִיר תּוֹרָה ; (דֶער תַּלְמִיד וֶוערְט גִירוּפֶען רָשׁ . עֶר אִיז אָרֶעם אִין דֶער תּוֹרָה . אוּנ דֶער רֶבִּי וֶוערְט גִירוּפֶען אִישׁ תְּכָכִים . אַמִיטֶעלֶער מֶענְטְשׁ . עֶר קֶען לֶערְנֶען . עֶס אִיז אָבֶּער דָא פִיל תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי קֶען נָאךְ אוֹיךְ נִיט . נִפְגָּשׁוּ . אוֹיבּ זֵייא בַּגֶעגְנֶען זִיךְ . דֶער תַּלְמִיד קוּמְט צוּ דֶעם רֶבִּי . אוּנ דֶער רֶבִּי לֶערוּנְט מִיט אִיהם ; מֵאִיר עֵינֵי שְׁנֵיהֶם ה' . מַאכְט גָאט לַייכְטֶען דִיא אוֹיגֶען פוּן בֵּיידֶע אִין דֶער תּוֹרָה . גָאט לֶערוּנְט מִיט דֶעם רֶבִּי אוּנ דֶער רֶבִּי לֶערוּנְט מִיט דֶעם תַּלְמִיד . אוּנ אוֹיבּ דֶער רֶבִּי וִויל נִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט דֶעם תַּלְמִיד . עָשִׁיר וָרָשׁ נִפְגָּשׁוּ עוֹשֵׂה כֻלָּם ה' ; דֶער רֶבִּי וָואס עֶר מֵיינְט עֶר אִיז רַייךְ אִין דֶער תּוֹרָה בַּגֶעגְנֶעט זִיךְ מִיט דֶעם תַּלְמִיד וָואס עֶר אִיז אָרֶעם אִין דֶער תּוֹרָה . אוּנ דֶער רֶבִּי לֶערוּנְט נִיט מִיט דֶעם תַּלְמִיד . מַאכְט גָאט בֵּיידֶע פַאר נַייעֶ מֶענְטְשִׁין . דֶער רֶבִּי וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען בִּיז אִיצְט אַחָכָם . מַאכְט אִים גָאט פַאר אַנַאר . עֶר זָאל זַיין לֶערְנֶען פַאר גֶעסִין) אוּנ דֶער תַּלְמִיד וָואס עֶר אִיז בִּיז אִיצְט גִיוֶוען אַנַאר מַאכְט אִיהם גָאט פַאר אַחָכָם (עֶר זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען) . אַזוֹי הָאט גִילֶערוּנְט רַבִּי נָתָן ; רַבִּי יְהוּדָה הַנָּשִׂיא זָאגְט אַזוֹי הָאט יַעְבֵּץ גִיבֶּעטִין אוֹיבּ דוּא וֶועסְט מִיךְ בֶּענְטְשִׁין מִיט קִינְדֶער אוּנ דוּא וֶועסְט מֶערִין מַיין גְרֶענֶעץ מִיט זִיהן אוּנ מִיט טֶעכְטֶער אוּנ דַיין הַאנְט וֶועט זַיין מִיט מִיר אִיךְ זָאל בַּגְלִיקֶען אִין מַיין הַאנְדִיל . אוּנ דוּא וֶועכְט מִיךְ הִיטֶען פוּן שְׁוֶעכְץ . מַיין קָאפּ אוּנ מַיינֶע אוֹהֶערִין אוּנ מַיינֶע אוֹיגֶען זָאלֶען זַיין גִיזוּנְד ; אוּנ אִיךְ זָאל נִיט טְרוֶּערִין . דֶער יֵצֶר הָרָע זָאל זִיךְ נִיט שְׁטַארְקֶען אוֹיף מִיר מִיךְ צוּא שְׁטֶערִין פוּן מַיין לֶערְנֶען ; אוֹיבּ דוּא וֶועסְט אַזוֹי טָאהן אִיז גוּט . אוּנ אוֹיבּ נִיט וֶועל אִיךְ גֵיין מִיט טְרוֶּיעֶר אִין גְרוּבּ . הָאט גָאט אִיהם גִיגֶעבִּין וָואס עֶר הָאט גִיבֶּעטֶען . נָאךְ אַזוֹי אַנְגְלַייכֶען הָאט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ גְזָאגְט . אַז אַאָרֶעם מַאן קוּמְט צוּא אבעל

מפרנסו מוטב ואם לאו עשיר ורש נפגשו עושה כולם ה' מי שעשאו עשיר לזה עושה אותו עני עני לזה עושה אותו עשיר :

סליק מסכת תמורה

מסכת כריתות פרק ראשון

פירוש

הדק היטב היטב הדק. כשהוא אומר כן כשוחק: דבור רע ליין. במסכת מנחות בפרק כל הקרבנות: ואגודתו. משמע כשכולם ביחד אז על ארץ יסדה:

(דף ו) **א אמר** להו רב משרשיא לבניה כי בעיתו למיזל למגמר קמי רבכון גרסו מעיקרא מתני' והדר עולו קמי רבכון וכו' :

(ע"ב) **ב אמר** מר כשהוא שוחק אומר הדק היטב היטב הדק מסייע ליה לרבי יוחנן דאמר רבי יוחנן כשם שהדבור רע ליין כך הדבור יפה לבשמים :

(שם ע"א) **ג ת"ר** פטום הקטרת הצרי והצפורן וכו' . (ע"ב) א"ר יוחנן י"א סמנין נאמרו לו למשה בסיני א"ר הונא מאי קראה (שמות ל) קח לך סמים וגו' וכו' . אמר רב חנא בר ביזנא אר"ש חסידא כל תענית שאין בה מפושעי ישראל אינו תענית שהרי חלבנה ריחה רע ומנאה הכתוב בין סמני הקטרת אביי אמר מהכא (דף ז ע"ב) (עמוס ט) ואגדתו על ארץ יסדה . ת"ר

אבעל הבית און ער בעט בייא איהם ער זאל איהם עפעס געבן. אויב דער בעל הבית גיט איהם איז גוט. און אויב ניט עשיר ורש נפגשו אז ארי כער בגעגינט זיך מיט אארעמען און דער רייכער גיט נאר ניט דעם ארעמען: עושה כלם ה'. מאכט זייא גאט פאר נייע מענטשין דער וואס איז גיוועזן ביז איצט רייך. מאכט איהם גאט ארעם. און דער וואס איז גיוועזן ביז איצט ארעם מאכט איהם גאט רייך:

פרק ראשון

א אמר. רב משרשיא האט גזאגט צו זיינע קינדער אז איר וועט וועלין גיין לערנען פאר אייער רבי. זאלט איר פריער גוט לערנען דיא משנות. דער נאך זאלט איר גיין צוא אייער רבי:

ב אמר. דער תנא האט גזאגט ווען מען האט גישטויסען דיא בשמים. האט דער גבאי גזאגט צום שטויסער שטוים גוט זאלסטו שטויסען. צוא וואס האט מען דאס גידארפט זאגן. דער שטויסער האט דאך שוין געוואוסט אז עס דארף זיין דין גישטויסען. נאר אזוי וויא רבי יוחנן האט גזאגט אזוי וויא דאס ריידען איז שלעכט צוא ויין. אזוי איז דאס ריידן גוט צוא בשמים ווען מען טרינקט פיל ויין איז ניט גוט אז מען רעט: ווארום מען רעט וואס עס טויג ניט צום ריידען. און אז מען שמעקט אגוטען ריח פון בשמים ווערט גיעפינט דער שכל. דאמאלס איז גוט צוא ריידען. ווארום מען וועט ריידען חכמות. און בשמים וואס דינער מען שטויסט שמעקט בעסער:

ג תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט פטום הקטורת הצרי והצפורן. רבי יוחנן זאגט עלעף ערלייא בשמים האט ג-ט גזאגט צו משה אויף דעם בארג סיני זאל זיין אין דיא קטורת אזוי וויא עס שטייט אין די סדרה תשא. רב חנא בר ביזנא האט גזאגט פון רבי שמעון חסידאס וועגין דער תענית וואס פושעי ישראל פאסטען ניט מיט. איז ער ניט קיין תענית. ווארום חלבנה האט אשלעכטען ריח און דער פסוק זאגט אז חלבנה מוז זיין צווישען דיא בשמים פון קטורת. און אז חלבנה איז ניטא טאר מען ניט מקטיר זיין דיא קטורת. אביי זאגט דאס ווייסען מיר פון דעם פסוק ואגדתו על ארץ יסדה. אז אלע יודען וועגען צו זאמען גיבונדען. בלייבען זיי

ת"ר (במדבר טו) את ה' הוא מגדף איסי בן יהודה אומר כאדם האומר לחבירו גרפת קערה והסרת קסבר מגדף מברך את השם הוא ראב"ע אומר כאדם שאומר לחבירו גרפת קערה ולא חסרת קסבר מגדף היינו ע"ז :

גרפת . רי"ש מתחלפת בד' : וחסרת . קנחת הקערה מהתבשיל והסרת גם הטן : קסבר מגדף היינו מברך את השם . ומילתא רבה עבד דפשט ידו בעיקר : היינו עובד ע"ז . כגון מסורר ומזמר לפני ע"ז שלא עשה עבירה גדולה כל כך : כל העם היוצאין. בשעת יציאתן מלו : הרצאת דמים: זריקת דמים על המזבח :

ארבעה מחוסרי כפרה פרק שני

(דף ט) **א רבי** אומר (שם) ככם כאבותיכם מה אבותיכם לא נכנסו לברית אלא במילה וטבילה והרצאת דמים אף הם לא יכנסו לברית אלא במילה וטבילה והרצאת דמים , מילה דכתיב (יהושע ה) כי מולים היו כל העם היוצאים וגו' . טבילה דכתיב (שמות כד) ויקח משה חצי הדם ויזרוק על העם ואין הזאה אלא טבילה. הרצאת דמים דכתיב (שם) וישלח את נערי בני ישראל ויעלו עולות וגו' :

וכי

שוין פעסט וויא אפּוּדאָמענט אויף דער ערד . דיא רבנן האָבען גילערונט עס שטייט אין פסוק את ה' הוא מגדף . וואס מיינט מען מגדף : איסי בן יהודה זאָגט אזוי וויא אמענטש זאָגט צוא זיין חבר גרפת קערה וחסרת דוא האָסט אויס גיראָמט דאס עסין פון דיא שיסול אונ דוא האָסט נאך מיט גענומען אשטיק פון די שיסול אויך . גרפת אונ גדפת איז איין טייטש . איז דער וואָרט מגדף אויך דער טייטש פעלין . איסי בן יהודה האַלט אז מגדף מיינט מען ער לעסטערט גאָט ער האָט גזאָגט עס פעלט אגאָט אויף דער וועלט . עס איז גאָר קיין גאָט ניטא . רבי אלעזר בן עזריה זאָגט אזוי וויא אמענטש זאָגט צוא זיין חבר גרפת קערה ולא חסרת : דוא האָסט אויס גיראָמט דאס עסין פון דיא שיסול אונ דוא האָסט פון דיא שיסול גאָר ניט גינומען . רבי אלעזר האַלט אז מגדף מיינט מען ער דינט עבודה זרה . ער האָט גיזונגען אונ געשפּילט פאַר דיא עבודה זרה . אונ פון דעסטוועגין גלויבט ער אז עס איז דאָ אגאָט . נאָר ער דינט צו ביידע צו גאָט אונ צו די עבודה זרה :

פרק שני

א רבי זאָגט עס שטייט אין פסוק איר אזוי וויא אייערע עלטערין . אזוי וויא אייערע עלטערין זענען דאך ניט אַריין גיגאַנגען אין דעם פאַר בינדונג מיט גאָט ביז זייא האָבען זיך מל גיוועזען אונ טובל גיוועזען [דאס מיינט מען משה האָט אויף זייא געשפּריצט דיא בלוט פון די קרבנות] אונ פון דיא איבעריגע בלוט פון דיא קרבנות האָט ער געשפּריצט אויף דעם מזבח . אזוי איר [דיא מענטשין וואס וועלין זיך מגייר זיין] וועלין אויך ניט אַריין גיין אין דעם פאַר בינדונג פון גאָט ביז זייא וועלין זיך מל זיין אונ טובל זיין [מען וועט אויף זייא שפּריצען דיא בלוט פון קרבנות]. אונ פון די איבעריגע בלוט וועט מען שפּריצען אויף דעם מזבח . אז דיא עלטערין האָבען זיך מל גיוועזען שטייט אין פסוק דאס גאַנצע פּאָרק וואס זענען אַרויס גיגאַנגען פון מצרים זענען גיוועזען גימלת : אז דיא עלטערין האָבען זיך טובל גיוועזען שטייט אויך אין פסוק משה האָט גינומען העלפט בלוט פון דיא קרבנות אונ ער האָט געשפּריצט אויף דעם פאָלק . שפּריצען מיינט מען טובל זיין [איין טונקען . משה האָט איין גיטונקט דעם פינגער אין דיא בלוט אונ האָט געשפּריצט] . אז מען האָט געשפּריצט בלוט אויף דעם מזבח שטייט אויך אין פסוק משה האָט געשיקט דיא יונגע מענטשין פון דיא יודען אונ זיי האָבין גישאָכטין עולות אונ שלמים . האָט משה צוא טיילט דיא בלוט פון די קרבנות . העלפט בלוט האָט ער אַבּיין גינאָסען אין אַבּעקין אונ דיא אַנדערע העלפט בלוט האָט ער געשפּריצט אויף דעם מזבח :

(במדבר ו) **ב** וכי ימות מת עליו בפתע פתאם פתע זה שוגג וכן הוא אומר (שם לה) ואם בפתע בלא איבה פתאם זה אונס וכן הוא אומר (במדבר יב) ויאמר ה' פתאם אל משה תניא אידך פתאם זה מזיד וכה"א (משלי כב) ערום ראה רעה ונסתר ופתיים עברו ונענשו :

פרק שלישי

(דף יג ע"ב) **א** ת"ר (ויקרא י) ולהבדיל בין הקדש ובין החול אלו דמים וערכין וחרמים והקדשות ובין הטמא ובין הטהור אלו טומאות וטהרות. ולהורות זה הוראה. את כל החקים אלו המדרשות. אשר-

ויאמר ה' פתאם. כאן כתיב יצאו שלשתם פ"ה דכתיב :

ופתיים עברו ונענשו. היינו מזיד דאין עונש אלא על המזיד :

ולהבדיל. יין ושכר אל תשת בבואכם אל אהל מועד וגו' ולהבדיל וגו' ובבואכם להבדיל בין הקדש והחול כמו אל תשת יין ושכר : דמים וערכין וחרמין וכו'. שאסורים שתויי יין להורות לבעלים לפרוש דדילמא לא שיימו להו שפיר : זו הוראה. פי' של איסור והיתר שתויי יין אסורין בה : המדרשות. שדורשין בפרקא אסור לשתויי יין שי פסק הוראה : הלכה. למשה מסיני : (ויותר נראה לפרש מדרשות דבר שבא ממדרש חכמים כמו בי"ג דברים שהתורה נדרשת בהן וכן מוכח בפ"ק דקדושין. מהרש"א) :

ב וכי. עס שטייט אין פסוק ביי אנזיר אויב איינער וועט שטארבען אויף אים בפתע פתאום. פתע מיינט מען אומגעריכן [ניט וויסענדיג] דער נזיר וועט זיין אין אשטוב וואס דארט ליגט אמת. אונ דער נזיר וועט ניט וויסען פון דעם מת. אונ אזוי שטייט אין פסוק ואם בפתע בלא איבה. אויב אומגעריכן ניט מיט פיינדשאפט האט ער איהם אשטויס געטאהן אונ געהרגעט: פתאום מיינט מען גענייט דער נזיר איז געוועזען גענייט צוא זיין אין דיא שטוב וואו דער מת ליגט. אונ אזוי שטייט אין פסוק ויאמר ה' פתאום אל משה. גאט האט געזאגט צו משה אז ער מיט אהרן אונ מרים מוזין באלד קומען צום אוהל מועד. נאך אין אברייתא האבען מיר געלערנט פתאום מיינט מען מזיד. אז איינער טוהט אזאך מוהטוויליג. למשל ער וויל טאהן דיא עבירה. אונ אזוי שטייט אין פסוק ערום ראה רעה ונסתר. דער קלוגער האט געזעהן פאר אויס דאס שלעכט וואס וועט קומען האט ער זיך פאר בארגין. דאס שלעכטס זאל ניט קענען קומען אויף איהם. ופתיים עברו ונענשו. אבער דיא מענטשין וואס האבען געטאהן עבירות מוהטוויליג [אונ האבען נישט מורא געהאט פאר דיא שלעכטס וואס וועט קומען] זענען געשטראפט געווארין אונ די שלעכטס איז אויף זיי געקומען. זעהן מיר די מענטשין וואס טוהען עבירות מוטוויליג הייסען פתיים. אדער פתאום:

פרק שלישי

א תנו רבנן. דיא רבנן האבען געלערנט עס שטייט אין פסוק ולהבדיל בין הקודש ובין החול. ווען בית דין דארפען מאכען אצווישענשיידונג [אדערקענונג] וועלכע זאך איז הייליג אונ וועלכע זאך איז ניט הייליג. טארין זייא ניט טרינקען קיין וויין. דאס מיינט מען אז איינער האט געזאגט וויא פיל געלט איך בין ווערט אזוי פיל זאל איך געבין צום בית המקדש. דארף מען איהם שאצען גלייך וויא ער וואלט געוועזען אקנעכט צום פאר קויפען אין גאס; וויא פיל ער וואלט ווערט געוועזען. אזוי פיל זאל ער געבין צום בית המקדש [דאס הייסט דמים]. אדער ער האט געזאגט וויא פיל איך בין געשאצט אין דער תורה [אזוי וויא עס שטייט אין דיא סדרה בחקתי] אזוי פיל געלט זאל איך געבין צום בית המקדש [דאס הייסט ערכין]. אדער איינער האט געזאגט אויף זיינע אזאך דאס זאל זיין חרם איז דאס געווארין הייליג צום בית המקדש אדער צו דיא כהנים. אדער ער האט געזאגט אויף זיינע אזאך דאס זאל זיין הייליג צום בית המקדש. אונ איצט וויל ער דעם חרם אדער דעם הקדש אויס טאהשין אויף געלט. דיא זאך זאל צוריק בלייבען ביי איהם אונ דאס געלט זאל געהערין צום בית המקדש. דארף מען דיא זאכען אפ שאצען וויא פיל זייא זענען ווערט. אדער ווען מען דארף דעם מענטש אליין שאצען וויא פיל ער

אשר דבר ה' זו תלמוד . ביד משה זו הלכה :

פרק חמישי

(דף כג) **א פיסקא** דם הקזה שהנשמה יוצאה בו חייבין עליו איהמר איזהו דם היקז שהנשמה תלויה בו רבי יוהנן אמר כל זמן שמקלח ר"ל אמר מטפה המשחרת ואילך :

פרק ששי

(דף כה) **א משנה** חייבי חטאות ואשמות ודאין שעבר עליהן יום הכפורים חייבין להביא לאחר יוה"כ מי שבא לידו ספק עבירה ביה"כ אפילו עם חשיכה פטור שכל היום מכפר :

(דף כח) **ב משנה** האב קדם לאם בכ"מ יכול מפני שכבוד האב עדיף על כבוד האם תלמוד לומר (ויקרא יט) איש אמו ואביו תיראו מלמד ששניהם שקולין

דם הקזה בתחלה שחור ואח"כ יוצא אדום ומזיבן בשתיתה בלא קילוח בדהוק ואח"כ מקלח וסוף כשהדם מתמעט שותת ויורד בסמוך : כל זמן שמקלח . היינו אמצעי : מטיפה המשחרת ואילך . מבכ"ה משחיר הראשון והתחיל להאדים כזה דם הנפש :

אמר קרא לפני ה' תטהרו אמרו הטא שאין מכיר בו אלא המקום יוה"כ מכפר אבל איסורא דידעי ביה אין יום הכפורים מכפר ואמרו עוד בתלמוד חייבי מלקות שעבר עליהם יוה"כ חייבים וזהו אמת כפי העיקר שהקדמנו עפ"י הרמב"ם ז"ל :

איז ווערט (וויא פריער שטייט) דעם טאג טארין בית דין ניט טרינקען וויין ביז נאך דעם שאצונג . ובין הטמא ובין הטהור . אונ אויב בית דין דארפען פסקנן אויף אזאך . וואס זיא איז . טהור אדער טמא . ולהורות . אדער זייא דארפען פסקנן . אויף אזאך אסור אדער מותר . את כל החוקים האלה . מיינט מען דיא רבנן דארפען דרשנן אדרשה . אשר דבר ה' מיינט מען זייא דארפען לערנען גמרא . ביד משה מיינט מען זייא דארפין לערנען דיא דינים וואס זענען גיזאגט גיווארין צוא משה אויס ווייניג אויף דעם בארג סיני . ווען מען דארף טאהן איינע פון די זאכען טאר מען ניט פריער טרינקען וויין :

פרק חמישי

א פיסקא . דם . אז מען שעכט אבהמה אונ מען עסט דיא בלוט וואס שפריצט ארויס פון האלדז וואס דיא נשמה גייט ארויס מיט דיא בלוט . קומט כרת . מיר האבען גילערנט מיט וועלכע בלוט וואס גייט פון האלדז גייט ארויס דיא נשמה . רבי יוחנן זאגט מיט דיא בלוט וואס גייט וויא אשטראם . ריש לקיש זאגט אז עס הערט אויף צוא גיין די שווארצע בלוט אונ עס הייבט אן צוא גיין דיא רויטע בלוט . הייבט אן ארויס צוא גיין די נשמה :

פרק ששי

א משנה . חייבי . דיא מענטשין וואס דארפין ברייניגען חטאות אדער אשמות אויף געוויסע עבירות וואס זייא האבען גיטאהן . אונ עס איז אריבער גיגאנגען יום כפור . דארפין זייא ברייניגען דיא חטאות אדער אשמות נאך יום כפור . אונ דיא מענטשין וואס דארפען ברייניגען אשמות אויף אספק . טאמער האבען זייא גיטאהן דיא עבירה . אונ עס איז אריבער גיגאנגען יום כפור . דארפין זייא שוין ניט ברייניגען דיא אשמות . אונ ווען איינעם איז גיווארין אספק אום יום כפור טאמער האט ער גיטאהן היינט דיא עבירה . אפילו עס איז שוין באלד נאכט . פון דעסטוועגין דארף ער ניט ברייניגען קיין קרבן אשם . ווארום דער גאנצער טאג יום כפור ביז נאכט איז מכפר די עבירות :

ב משנה . האב . אין דיא גאנצע תורה וואו עס שטייט דער מאנט פאטער אונ מוטער . שטייט פריער דער פאטער נאך דיא מוטער . אזוי וויא עס שטייט כבד את אביך ואת אמך . וואלט איך מיינען אז מען דארף געבין דעם פאטער מער כבוד וויא דיא מוטער . שטייט

שקולין אבל אמרו חכמים האב קודם לאם מפני שהוא ואמו חייבים בכבוד אביו וכן בת"ת אם זכה הבן לפני הרב הרב קודם את האב בכל מקום מפני שהוא ואביו חייבים בכבוד רבו:

כנ"ל נתבאר בסוף פ' שני ממציאת כאשר היה אביו ת"ח אביו קודם לרבו והפי' היה רבו מובהק ר"ל שרוב חכמתו ממנו והוא כונתו במה שאמר כאן אם זכה הבן לפני הרב ר"ל שקבל ממנו רוב חכמתו ומה שאמר בכ"מ ר"ל להשיב אבדה ולפדות ולהחיות ולפרוק מעליו כמו שנזכר במציעא והדומים לו מכל הדברים שיש בהם לבסוף נזק או תועלת רבו קודם והענין מבואר. עכ"ל הרמב"ם ז"ל:

סליק מסכת כריתות

(דף יז) **א שאל** רבי מתיא בן חרש את ר' שמעון בן יוחאי ברומי מנין לדם שרצים שהוא טמא א"ל דאמר קרא (ויקרא יא) וזה לכם הטמא אמרו לו תלמידיו חכים ליה בן יוחאי אמר להן תלמוד ערוך הוא בפיו של רבי אלעזר ברבי יוסי שפעם אחת גזרה מלכות גזרה על ישראל שלא ישמרו שבת ושלא ימולו בניהם ושיבעלו נדות הלך רבי ראובן בן איסטרובלי וספר קומי והלך וישב עמהם אמר להן מי שיש לו אויב

הכים ליה בן יוחאי. כלומר נתחכם שדרשה יפה. והשיב להם תלמוד ערוך הוא. לא אמרה מדעתו ששמע מר"א בר' יוסי שאמר כן משום אביו ומנא ליה דלמדה מר' אלעזר בר' יוסי שפעם אחת כו': שפר קומי. (שסיפר לפניו) שגילה השער שעל מצחו והניח בלורית לאחריו כמו הנכרים

אין פסוק איש אמו ואביו תיראו. יעדער מענטש זאל מורא האבען פאר זיין מוטער אונ פאר זיין פאטער. שטייט פריער די מוטער דער נאך דער פאטער. לערונט אונז דער פסוק אז זיא זענען ביידע גלייך. נאר די חכמים האבען גזאגט אויב דער פאטער פאר לאנגט פון זוהן ער זאל איהם בעדינען. אונ די מוטער פאר לאנגט פון זוהן ער זאל איר בעדינען. זאל ער פריער בעדינען דעם פאטער. דער נאך זאל ער בעדינען די מוטער. ווייל דער זוהן אונ די מוטער ביידע מוזין בעדינען אונ געבין כבוד דעם פאטער ווארום אווייב מוז געבין כבוד אונ בעדינען איר מאן]. אונ אזוי איז דער דין בייא תורה לערנען: אויב דער זוהן האט זוכה געוועזן צוא לערנען תורה ביי זיין רבי. איז דער רבי פריער פאר זיין פאטער צוא יעדער זאך. ווייל ער אונ זיין פאטער זענען מחויב צוא געבין כבוד דעם רבי. דאס איז נאר אז דער פאטער איז אעם הארץ. אבער אז דער פאטער איז אלמדן. אפילו ער איז ניט אזוי אלמדן וויא דער רבי. פון דעסטוועגין איז דער פאטער פריער וויא דער רבי

פרק רביעי

א שאל. רבי מתיא בן חרש האט גיפרעגט בייא רבי שמעון בן יוחאי אין רוים. פון וואנען ווייסען מיר אז די בלוט פון שרצים איז טמא. הט רבי שמעון גזאגט ווארום עס שטייט אין פסוק וזה לכם הטמא. האבען די תלמידים גזאגט צו רבי מתיא דר בן יוחאי איז קלוג גיוואריז. ער האט גוט גידרשת. האט רבי מתיא גזאגט בן יוחאי האט דאס ניט גזאגט מיט זיין שכל. נאר רבי אלעזר ברבי יוסי לערונט אזוי. האט בן יוחאי גיהערט פון רבי אלעזר. ווארום אמאהל האט אמלכה גוזר גיוועזן אויף די יודען זייא זאלען ניט היטען שבת אונ זאלען ניט מל זיין זייערע קינדער אונ זייא זאלען בועל זיין זייערע ווייבער ווען זייא זענען נדות. איז רבי ראובן בן אסטרובלי גיגאנגען אונ האט אפ גיגאלט דעם פאדערשטען האלבען קאפ

אויב יעני או יעשיר אמרו ליה יעני אמר להן אם כן לא יעשו מלאכה בשבת כדי שיענו אמרו טבית אמר ליבטל ובטלוה. חזר ואמר להן מי שיש לו אויב יכחיש או יבריא אמרו לו יכחיש אמר להן א"כ ימולו את בניהם לשמונה ימים כדי שיכחישו אמרו טבית אמר ובטלוה. חזר ואמר להם מי שיש לו אויב ירבה או יתמעט אמרו ליה יתמעט אמר להן א"כ לא יבעלו נדות אמרו טבית אמר ובטלוה הכירו בו שהוא יהודי החזירום אמרו מי ילך ויבטל את הגזרה (ע"ב) ילך רבי שמעון בן יוחאי שהוא מלומד בנסים ואחריו מי רבי אלעזר ברבי יוסי אמר להם רבי יוסי אלו היה אבא חלפתא קיים יכולים אתם לומר לו תן בנך להריגה אמר להן רבי שמעון אלו היה יוחאי אבא קיים יכולים אתם לומר לו תן בנך להריגה אמר להם רבי יוסי אנא אזלית דלמא עניש ליה רבי שמעון דקא מסתפינא קביל עליה דלא ליענשיה אפילו הכי ענשיה כשהיו מהלכין בדרך

כדי שלא ירבו שהוא יסודי : א"כ לא יעשו מלאכה בשבת. ולא ירויחו בשבת ועוד מתוך שהם פנויין אוכלין ומתענגין ומוציאין כל מה שהרויחו בחול: א"כ ימולו בניהם. והדם יוצא בקטנותם ומתים כחש ואין שהים עוד לאיתנס : מלומד בנסים. שנעשו לו נסים כדאיתא בפרק ב"מ בעובדא דמערה : אמר להם ר' יוסי. אביו של ר' אלעזר אמר לחכמים אילו היה חלפתא אבי קיים האמרו לו תן בנך להריגה כך אין אתם יכולים לומר לי שאתן בני להריגה שהיה ירא רבי יוסי שרשב"י מתמה קפדנותו יענים ליה לר' אלעזר בנו ורבי שמעון לא הבין כוונתו והיה סבור שמפני סכנת השליחות היה אומר כן ולכן השיב לו אף אני בסכנה ואילו היה יוחאי אבא קיים אין אתם יכולין לומר לו תן בנך להריגה עד שא"ר יוסי שהיה ירא שמא

אונ האט גילאזין האר פון אינטען אזוי וויא דיא גוים פלעגין גיין. ווייל ער האט גיוואלט מען זאל ניט דער קענען אז ער איז איוד. אונ ער איז אריין גיקומען צווישען דיא שרים פון מלך; אונ ער האט גזאגט צוא זייא אז איינער האט אשונא זאל ער דעם שונא ארעם מאכען אדער רייך מאכען. האבען זייא גיזאגט (צוא רבי ראובן) ער דארף איהם ארעם מאכען. האט רבי ראובן צו זייא גזאגט לאזט דיא יודען היטען שבת אונ זייט גוזר אויף זייא אז זייא טארין ניט טאהן אמלאכה אום שבת אונ ווייל דעם טאג שבת וועלין זייא ניט פאר דינען; אונ אום שבת עסין זייא אונ טרינקען. פאר ברייניגען זייא דאס געלט וואס זייא האבען פאר דינט דיא גאנצע וואך וועלין זייא ארעם ווערין; האבען דיא שרים גזאגט (אויף רבי ראובן) ער האט גוט גזאגט. מען דארף דיא גזרה מבטל זיין. אונ זייא האבען איר מבטל גיוועזן. נאך האט רבי ראובן צו זייא גזאגט דער וואס האט אשונא זאל ער איהם מאגער מאכען אדער פעט מאכען. האבען זייא גזאגט ער דארף איהם מאגער מאכען. האט רבי ראובן גזאגט דארף מען דאך לאזין דיא יודען זייא זאלען מל זיין זייערי קינדער צוא אכט טאג. זייא זאלען מאגער ווערין. ווייל דאס בלוט וואס גייט ארויס פון מל זיין נעמט צוא דעם כח פון קינד אונ דער כח קומט קיין מאהל ניט צוריק. האבען דיא שרים גזאגט (אויף רבי ראובן) ער האט גוט גזאגט. אונ זייא האבען מבטל גיוועזן דיא גזרה פון מילה אויך. נאך האט רבי ראובן צוא זייא גזאגט דער וואס האט אשונא זאל ער איהם מערין אדער ער זאל איהם וויינייגער מאכען; האבען זייא גזאגט ער דארף איהם וויינייגער מאכען. האט רבי ראובן צוא זייא גזאגט זאלען דיא יודען ניט בוועל זיין נדות נאר זייא זאלען מוזין ווארטען ביז זייערע ווייבער וועלין ריין ווערין. וועלין זייא דאך האבען וויינייגער קינדער. האבען דיא שרים גזאגט (אויף רבי ראובן) ער האט גוט גזאגט אונ זייא האבען מבטל גיוועזן דיא גזרה פון נדה אויך. דער נאך האבען זייא דער קענט אז ער איז איוד. האבען זייא צוריק גוזר גיוועזן אלע דרייא גזרות. האבען דיא חכמים גזאגט ווער פון אונז זאל גיין מבטל זיין דיא גזרה. זאל גיין רבי שמעון בן יוחאי ער איז גיוואוהנט מען זאל טאהן צוא איהם נסים. נאך רבי שמעון ווער זאל גיין. רבי אלעזר ברבי יוסי. האט רבי יוסי גזאגט צוא דיא חכמים ווען מיין פאטער חלפתא וואלט גילעבט וואלט איר גיקענט זאגין צו איהם גיב ביין זוהן מען זאל איהם הרגנן. קענט איר צוא מיר אויך ניט זאגען אז איך זאל געבין מיין זוהן אלעזר צום הרגנן איהם וואורום רבי יוסי האט מורא גיהאט טאמער וועט זיין זוהן אלעזר עפעס ריידען ניט וויא מען דארף. אונ רבי שמעון איז אכעס. וועט רבי שמעון איהם שטראפין אז ער

בדרך נשאלה שאלה זו לפניהם מנין לדם שרצים שהוא טמא עקם פיו רבי אלעזר ברבי יוסי ואמר וזה לכם הטמא אמר ליה רבי שמעון מעקימת שפתיך אתה ניכר שתלמיד חכם אתה אל יחזור הבן אצל אביו יצא לקראתו בן תלמיון אמר רצונכם אבא עמכם בכה רבי שמעון ואמר שפחה של בית אבא נזדמן לה מלאך ג' פעמים ואני אפילו לא פעם אחת יבא הנס מכל מקום
קדים
מ"מ

ירבה לדבר שלא כרצונו ויעניענו עד שקבל עליו שלא יעניענו : עקם פיו . רבי אלעזר ברבי יוסי החזיר פניו ודבר בלחש שלא ירגיש רבי שמעון שהוא משיב תשובה בפניו ואעפ"כ הרגיש ר' שמעון וקללו הואיל ומורה לפניו ומפורש בהגדה דנפל בחולי אסכרה והיה מוטל בספינה וכשנזכר ר' שמעון שנדר לאביו שלא יעניענו בקש עליו רחמים ונתרפא וכשהי' שוכב בחלו בתוך הספינה עבר עליו אחד מן הספנים ודרך על צוארו בבלי דעת ויצאה האסכרה מתוך גרונו ונכנס לתוך גרונו של אותו הספן : בן תלמיון . שד : שפחה של בית אבא . הגר שפחת שרה דכתיב בה שלשה פעמים ויאמר לה מלאך ה' שנזדמנו לה שלשה מלאכים זה אחר זה : יבא הנס

זאל שטארבען. דריבער האט רבי יוסי ניט גיוואלט אז אלעזר זיין זוהן זאל גיין צו זאמען מיט רבי שמעון; רבי שמעון האט אבער ניט געוואוסט אז דאס מיינט רבי יוסי. ער האט גיט־אכט אז רבי יוסי מיינט אז דער וועג אליין צו גיין צו שרים בעטין פון יודינס וועגין דאס איז אסכנה. דריבער האט רבי שמעון גזאגט איך אליין בין דאך אויך אין דיא זעלביגע סכנה איך גיי דאך מיט איהם צו זאמען; דריבער] האט רבי שמעון גזאגט ווען מיין פאטער יוחאי וואלט גילעבט וואלט איר גיקענט זאגין צו איהם גיב דיין זוהן מען זאל איהם הרגען. וויל איך אויך ניט גיין טאמער וועט מען מיך הרגנן. האט רבי יוסי איצט גזאגט צוא דיא חכמים דער וועג וואס מען וועט גיין צו דיא שרים איז ניט אסכנה. ווארום איך אליין וועל גיין מיט רבי שמעון. נאר איך האב מורא צוא שיקען מיין זוהן אלעזר מיט רבי שמעון. טאמער וועט מיין זוהן עפעס רעדען צו פיל אונ רבי שמעון איז אכעסן. טאמער וועט רבי שמעון איהם שטראפין. האט רבי שמעון אויף זיך גענומען ער זאל איהם ניט שטראפין; פון דעסטוועגין האט ער איהם יא גישטראפט. ווארום ווען רבי שמעון איז גיגאנגען אין וועג מיט רבי אלעזר. האט מען גיפרעגט פאר זייא דיא שאלה. פון וואנען ווייסען מיר אז דיא בלוט פון שרצים איז טמא. האט רבי אלעזר ברבי יוסי אומגיקערט זיין מויל אן אזייט. רבי שמעון זאל ניט זעהן ווי ער רעט. אונ ער הט גיענפערט ווייל עס שטייט אין פסוק וזה לכם הטמא. פון דעסטוועגין האט רבי שמעון דער זעהן ווי ער ענפערט צו דעם פרעגער. איז רבי שמעון אין כעס גיווארין פר וואס האט רבי אלעזר גיענפערט פאר איהם; האט רבי שמעון גזאגט צו רבי אלעזר פון דיין מאכונג מיט דעם מויל וואס דוא רעדסט אין דער שטיל] דער קענט מען אז דוא ביסט אתלמיד חכם. אונ דו ענפערסט אתשובה אויף דער שאלה וואס מען האט דא גיפרעגט פאר מיר. איז רבי שמעון אין כעס גיווארין אונ הט גיפלוכט רבי אלעזרן אונ ער האט גזאגט דער זוהן זאל ניט צוריק קומען צו זיין פאטער ואיז רבי אלעזר קראנק גיווארין ער האט בעקומען אסכרה אין האלדז. אונ ער איז גילעגין אין אשיף. אונ וויא רבי שמעון האט זיך דער מאנט אז ער האט צו גזאגט צו רבי יוסי אז ער זאל זיין זוהן ניט שטראפין. האט רבי שמעון גיבעטין ביי גאט רבי אלעזר זאל גיזונד ווערין. אונ וויא רבי אלעזר איז אזוי גילעגין קראנק אין דיא שיף. איז איינער פון דיא שיפערס גיגאנגען אין דיא שיף אונ ער האט ניט גיזעהן וויא רבי אלעזר ליגט אויף דער ערד. האט ער ניט ווילענדיג ארויף גיטרעטין אויף דיא האלדז פון רבי אלעזר. איז ארויס גיגאנגען דיא אסכרה פון רבי אלעזרס האלדז אונ עס איז אריין גיגאנגען אין דעם שיפערס האלדז]. דער נאך איז ארויס גיקומען דער שד וואס הייסט בן תלמיון אונ ער האט גזאגט צוא רבי שמעון אונ רבי אלעזר. אויב איר ווילט וועל איך מיט קומען מיט אייך. האט רבי שמעון גיוויינט. אונ האט גזאגט דיא דינסט פון אברהם אבינו [הגר ווען זיא איז אנטלאפין פון שרה] איז צו איר גיקומען דריי מלאכים איינר נאך דעם אנדערין. צו מיר איז אפילו איין מלאך אויך ניט גיקומען. זאגט רבי שמעון זאל דער נס קומען פון וואו עס וויל. פון אמלאך אדער פון אשד נאר עס זאל זיין אנס. הט רבי שמעון גזאגט צום שד קום מיט אונז [האט בן תלמיון גזאגט צו רבי שמעון אונ רבי אלעזר איך וועל גיין פאר

קרים הוא על בברתיה דקיסר כי מטא התם אמר בן תלמיון צא בן תלמיון צא כיון דקרו ליה נפיק אזל אמר להן שאילו כל מה דאית לכון למשאל ועיילינהו לגינזא לשקול כל דבעו עולו אשכחו לההיא איגרתא שקלוה קרעוה והיינו דאמר רבי אלעזר ברבי יוסי אני ראיתיה ברומי והיו עליה כמה טיפי דמים :

מ"מ . יצא עמהן : פאל בברתיה דקיסר . נכנס בן תלמיון לתוך גופה של בת הקיסר ויש נאגד : אמרת א"ל בן תלמיון אצא קדימנא ועאיל בברתיה דקיסר והשתגע ולא נשתכחו אסיא דמסי לה עד דאיתן אתין ותימרון לי פוק ונפיקנא ונהזוא עברי לכו מה דבעיתו וזה יהיה לכם אות דהי נפיקנא מינה מתברנא כל כלי זכוכית של בית הקיסר . [ברש"י שבגמרא איתא וז"ל · עאל בברתיה דקיסר . ונשתגעה והיתה צועקת ואומרת הבו לי את רשב"י בכל שעה וכו'] : אני ראיתיה ברומי . פרוכת המבדלת בין היכל לק"ק : והיו עליה כמה טיפי דמים . מהזאת פר ושעיר של יוה"כ . ופי' אני ראיתיה בשלת ; לשם פול לבית גנזי והכלים כל אוצר המלך : אשכחו ההיא איגרתא . דכתיבי בה כנגד גזירות דאמרן לעיל :

סליק מסכת מעילה

מסכת תמיד פרק ראשון

(דף ט ע"ב) א פיסקא פרחי כהונה איש כסותו בארץ אמאי התם קרי להו רובים והכא קרי להו (דף כז) פרחי כהונה אמרי אין התם דלא מטו למעבד עבודה קרו להו רובים והכא דמטו למעבד עבודה קרי להו פרחי :

התם קרי להו רובים . ורובים שומרים שב : והכא קרי להו פרחי . אמאי : התם . גבי במירה : דלא מטו למעבד עבודה . שלא הגיעו לעשות עבודה כגון פתוחים מי"ג שנה קרי להו רובים כלומר נערים : הכא דמטו נכלל עבודה . שכל אותם שיבנים שם בבית המוקד ראוים לעבודה דבשביל כך הם ישנים שם כדי שיהו מזומנים נמהר לעבודה ביום עבודתם דכל משמרה מתחלקת לששה בתי אבות כנגד ששה ימי השבוע ובשבת עובדין כולן כיחד והולקים יחד קרי נהם פרחי כהונים שלא הגיעו עדיין לכלל זקנה :

א"ל

אוים אונ איך וועל אריין גיין אין דעם קיסרס טאכטער וועט זי משוגע ווערין · אונ אלע דאקטורים וועלין איר ניט קענען העלפען · ביז איר וועט קומען אונ איר וועט זאגין צו מיר גיי ארוים וועל איך ארוים גיין · וועט שוין דער קיסר אייך טאהן וואס איר וועט וועלין · אונ אצייכען וועט איר האבען אז איך בין שוין ארוים גיגאנגען · ווען איך וועל ארוס גיין פון איר וועל איך צוא ברעכין אלע גלעזערנע כלים וואס ביי דעם קיסר אין שטוב] · איז בן תלמיון גיגאנגען פאר אוים אונ איז אריין גיגאנגען אין דעם קיסרס טאכטער [איז זיא משוגע גיווארין] · וויא רבי שמעון איז געקומען צום קיסר האט ער גזאגט בן תלמיון גיי ארוים · בן תלמיון גיי ארוים · וויא בן תלמיון הט גיהערט מען רופט איהם איז ער ארוים גיגאנגען · האט דער קיסר גזאגט צו רבי שמעון אונ רבי אלעזר איר מעגט ביי מיר בעטין אלץ וואס אי' ווילט בעטין · אונ מען האט זייא אריין געפירט אין די אוצרות פון קיסר זייא זאלען נעמען וואס זייא ווילען · וויא זייא זענען אריין גיקומען אין דיא אוצרות האבען זייא גיפונען דיא פאפירען וואס אויף זייא איז גיוועזן געשריבען דיא גזירות · האבען זייא דיא פאפירען צוריסען · דאס איז וואס רבי אלעזר ברבי יוסי האט גזאגט איך האב גיזעהן דעם פרוכת אין רוים ווען איך בין גיוועזן אין דיא אוצרות פון קיסר] אונ אויף דעם פרוכת איז גיוועזן בשפריצט פיל טראפין בלוט · וואס דער כהן גדול הט געשפריצט אום יום כפור :

פרק ראשון

א פיסקא · פרחי · דיא יונגע כהנים וואס האבען גינעכטיגט אין בית המקדש האט יעדער גילייגט זיין קלייד אויף דיא ערד ; אונ איז גישלאפען אויף איר · פרעגט די גמרא פאר וואס אמאהל רופט מען דיא יונגע כהנים רובים · אונ אמאהל רופט מען דיא יונגע כהנים פרחי · ענטפערט די גמרא אז זייא זענען אלט פר דרייצעהן יאהר וואס זייא טארין נאך ניט טאהן די עבודה · זייא זענען נאר אין בית המקדש צום היטען · רופט מען זייא רובים · קינדער · אונ דיא יונגע כהנים וואס זענען שוין אלטער ווי דרייצעהן יאהר · זיי טוהען שוין די עבודה אין בית המקדש וויי זענען שוין מקריב קרבנות] רופט מען זייא פרחי כהונה · יונגע כהנים :

(פ"ג) **ב** **א"ל** רב לחייא בריה וכן אמר ליה רב הונא לרבא בריה חשיך תקין נפשך וקדים תקין נפשך כי היכי דלא תרחק תיב וגלי וכסי וקום שטוף ושתי שטוף ואחית וכשאתה שותה מים שפוך מהן ואחר כן תן לתלמידך בדתניא לא ישתה אדם מים ויתן לתלמידיו אלא אם כן שפך מהם . מעשה באחד ששתה מים ולא שפך מהם ונתן להלמידו ואותו תלמיד אסטנים היה ולא רצה לשתות ומת בצמא באותה שעה אמרו לא ישתה אדם מים ויתן לתלמידו אלא אם כן שפך מהם אמר רב אשי הילכך האי תלמידא דשפיך קמי רביה לית ביה

חשיך תקין וכו' . הערב והחשך לבית הכסא בזמן שעות שבני אדם בבתיהם כדי שלא תצטרך להרחיק מן העיר כלומר למד עצמך בלפני' אינך צריך לנקביך חזק עצמך לפנות בבני פרקים שלא תצטרך לפנות ביום שבני אדם מצויים : תיב וגלי וכו' . שב על הכסא קודם שתגלה עצמך וכשתגמור כסה עצמך קודם שתקום : שטוף וכו' . רחץ הכוס קודם שתשתה ולא תבלע רוק אחרים וכשתגמור לשתות רחץ הכוס והניחו נקי לבוהם

ב אָמַר ; רַב הָאט גִזָאגְט צוּא זַיין זוּהן חִיָּיא ; אוּנ אַזוֹי הָאט גְזָאגְט רַב הוּנָא צוּא זַיין זוּהן רָבָא . בַּייא נַאכְט ווֶען מֶענְטְשִׁין גֵייעֶן שׁוֹין נִיט אִין גַאס . אוּנ פַאר טָאג ווֶען מֶענְטְשִׁין שְׁלָאפֶען נָאךְ . זָאלְסְטוּ זַיין גִיוואוֹהנְט אַלֶע טָאג אִין דִיא צְווֵייא צַייטֶען צוּ גֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵא רֵיינִיגֶען דַיין בּוֹיךְ (וָוארוּם פַאר צַייטֶען הָאבֶּען זֵייא נִיט גִיהַאט קֵיין בֵּית הַכִּסֵא אִין שְׁטָאט אַזוֹי וְויא מִיר הָאבֶּען . נָאר זֵייא פְּלֶעגִין אַרוֹיס גֵיין אוֹיסֶער דִי שְׁטָאט אוֹיף דֶעם פְרַייעֶן פֶעלְד . בַּיי טָאג פְּלֶעגִין זֵייא מוּזֶען אַוֶועק גֵיין וַוייט פוּן שְׁטָאט מֶענְטְשִׁין זָאלֶען זֵייא נִיט זֶעהן . דְרִיבֶּער הָאט רַב אוּנ רַב הוּנָא גְזָאגְט צוּא זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זֵייא זָאלֶען זַיין גִיוואוֹהנְט אַרוֹיס צוּ גֵיין בַּיי נַאכְט אוּנ פַאר טָאג ווֶען מֶענְטְשִׁין גֵייעֶן נִיט ווֶעלִין זֵייא נִיט דַארְפֶען אַוֶועק גֵיין וַוייט פוּן שְׁטָאט) . נָאךְ הָאבֶּען זֵייא גְזָאגְט צוּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער . פְרִיעֶר זָאלְט אִיר אַייךְ זֶעצִין . דֶער נָאךְ זָאלְט אִיר אַייךְ אוֹיף דֶעקִין ; אוּנ נָאךְ דֶעם אַרוֹיס גֵיין זָאלְט אִיר אַייךְ פְרִיעֶר צוּ דֶעקִין ווֶען אִיר זִיצְט נָאךְ ; דֶער נָאךְ זָאלְט אִיר אַייךְ אוֹיף שְׁטֶעלִין . אַז דוּא ווִילְסְט טְרִינְקֶען זָאלְסְטוּ פְרִיעֶר אוֹיס וַואשֶׁען רֵיין דִיא כֵּלִי . דֶער נָאךְ זָאלְסְטוּ אַרַיין גִיסֶען אִין דִי כֵּלִי וַואסֶער אָדֶער אַנְדֶערֶע מַשְׁקֶה אוּנ טְרִינְקֶען ; אוּנ נָאךְ דֶעם טְרִינְקֶען זָאלְסְטוּ אוֹיס וַואשֶׁען רֵיין דִיא כֵּלִי אוּנ אַוֶועק שְׁטֶעלִין זֵייא . אוּנ אַז דוּא ווֶעסְט טְרִינְקֶען וַואסֶער פוּן אַכֵּלִי . אוּנ אִין דִיא כֵּלִי ווֶעט נָאךְ בְּלַייבֶּען וַואסֶער . אוּנ דוּא ווֶעסְט ווֶעלֶען גֶעבִּין דִיא אִיבֶּערִיגֶע וַואסֶער צוּ דַיין תַּלְמִיד עֶר זָאל טְרִינְקֶען ; פְרִיעֶר זָאלְסְטוּ אַבִּיסוּל אָפּ גִיסֶען פוּן דֶעם וַואסֶער אוֹיף דִיא עֶרְד . דֶער נָאךְ זָאלְסְטוּ גֶעבִּין דִי אִיבֶּערִיגֶע וואסֶער צוּ דַיין תַּלְמִיד עֶר זָאל טְרִינְקֶען . אַזוֹי ווִיא מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט אַז אַמֶענְטְשׁ הָאט גִיטְרוּנְקֶען וַואסֶער פוּן אַכֵּלִי אוּנ אִין דִיא כֵּלִי אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבֶּען וַואסֶער טָאר עֶר נִיט גֶעבִּין דִי אִיבְּעריגֶע וַואסֶער צוּ זַיין תַּלְמִיד עֶר זָאל טְרִינְקֶען . סַיידִין עֶר הָט פְרִיעֶר אָפּ גִיגָאסֶען אַבִּיסוּל וַואסֶער . עֶס הָאט אַמָאהל גִיטְרָאפֶען אֵיינֶער הָאט גִיטְרוּנְקֶען וַואסֶער אוּנ נָאךְ דֶעם טְרִינְקֶען הָאט עֶר נִיט אָפּ גִיגָאסֶען אַבִּיסוּל פוּן דִיא גֶעבְּלִיבֶּענֶע וַואסֶער אוּנ עֶר הָט גִיגֶעבִּין דִיא אִיבֶּערִיגֶע וַואסֶער צוּ זַיין תַּלְמִיד עֶר זָאל טְרִינְקֶען . אוּנ דֶער תַּלְמִיד אִיז גִיוֶוען אַאֵיידֶעלֶער הָאט עֶר נִיט גִיוָואלְט טְרִינְקֶען דִיא גֶעבְּלִיבֶּענֶע וַואסֶער ווַייל עֶר הָט זִיךְ גֶעמִיאוּסְת צוּ טְרִינְקֶען פוּן דֶעם רֶבִּים מוֹיל , אוּנ אָפּ גִיסֶען אַבִּיסוּל וַואסֶער אָפּ צוּ וַואשֶׁען דֶעם אָרְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גִיהַאלְטֶען אִין מוֹיל הָאט עֶר זִיךְ גִישֶׁעמְט . ווָארוּם דֶער רֶבִּי ווֶעט דָאךְ זֶעהן אַז עֶר מִיאוּסְת זִיךְ פוּן אִיהם . ווֶעט עֶר זַיין בֵּייז . דְרִיבֶּער הָאט דֶער תַּלְמִיד גְזָאגְט עֶר ווִיל נִיט טְרִינְקֶען ווַייל אִיהם דֶערְשְׁט נִיט ; אוּנ אִין אֱמֶת הָט אִים יָא גִידָרְשְׁת אוּנ עֶר אִיז גִישְׁטָארְבֶּן פוּן דָארְשְׁט . אִין דֶער צַייט הָאבֶּען דִיא חֲכָמִים גְזָאגְט אַז אַמֶענְטְשׁ הָאט גִיטְרוּנְקֶען וַואסֶער פוּן אַכֵּלִי אוּנ אִין דִיא כֵּלִי אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבֶּען וַואסֶער טָאר עֶר נִיט גֶעבִּין דִיא אִיבֶּערִיגֶע וַואסֶער צוּ זַיין תַּלְמִיד עֶר זָאל טְרִינְקֶען . סַיידִין עֶר הָאט פְרִיעֶר אָפּ גִיגָאסֶען אַבִּיסוּל וַואסֶער . רַב אַשִׁי זָאגְט אוֹיבּ דֶער רֶבִּי הָאט נִיט אָפּ גִיגָאסֶען אַבִּיסוּל וַואסֶער . נָאר דֶער תַּלְמִיד הָאט גֶענוּמֶען דִי

ביה משום אפקירותא :

ג תנן התם איש הר הבית היה מחזר על כל משמר ומשמר ואבוקות דולקות לפניו וכל משמר שאינו עומד ואומר לו איש הר הבית (דף כח) שלום עליך ניכר שהוא ישן חובטו במקלו ורשות היתה לו לשרוף כסותו והם אומרים כה קול בעזרה קול בן לוי לוקה ובגדיו נשרפין שישן לו על משמרתו רבי אליעזר בן יעקב אומר פעם אחת מצאו את אחי אמי ישן ושרפו את כסותו א"ר חייא בר אבא כי כתי רבי יוחנן בהא מתניתין אמר הכי אשריהם לראשונים שאפילו על אונס שינה עושין דין שלא על אונס שינה עאכ"ו :

ד תניא רבי אומר איזוהי דרך ישרה שיבור לו האדם יאהב את התוכחות שכל זמן שתוכחות בעולם נחת רוח באה לעולם טובה וברכה באין לעולם ורעה מסתלקת מן העולם שנאמר (משלי כד) ולמוכיחים ינעם

להריך ונשפוך מהם כדי לנקות הכוס : אפקירותא : הולפא ע"כ :
איש הר הבית . בר כמו אליכם אישים אקרא כל לילה ולילה היה מחזר על כל משמר והיו לו מפתחות הר הבית : ואבוקות דולקות לפניו . וכל משמר כשעה שהיה בא אצל המשמר כל משמר שאינו עומד כנגדו ואומר לו שלום עליך ניכר שהוא ישן : חובטו במקלו . מלקהו : והם אומרים מה קול בעזרה . אומרים זה לזה בן לוי לוקה ובשביל כך הוא צועק ונשמע קולו בכאן : וק"ו על אונס שינה עושין דין . דשינה זו הוא אונס שאין אדם יכול להעמיד עצמו בלא שינה מבלאה לו שינה לעיניו: בלא על אונס שינה . דבר בעושה במתכוין: איזוהי דרך ישרה שיבור לו האדם . הרבה דברים צריך לו לאדם לבחור אלא כ"ק איזוהי דרך

וואסער פון רבי און ער אליין האט אפ געגאסען אביסעל וואסער . און דער רבי זעהט . הייסט דאס ניט קיין העזה פון דעם תלמיד :

ג תנן . מיר האבען געלערנט דער גבאי פון דעם הר הבית פלעגט גיין ביי נאכט צו דיא אלע ערטער וואס דיא וועכטער שטייען . ער זאל זעהן אויב יעדער וועכטער שטייט אויף זיין ארט . און פלאמען פייער האבען געברענט פאר איהם עס זאל זיין ליכטיג צום גיין . און דער וועכטער וואס איז ניט געשטאנען ונאר ער איז געלעגין ; און מען האט ניט געוואוסט צו ער שלאפט צו ער וואכט) און הט גזאגט צום גבאי פון הר הבית פריד אויף דיר . האט מען דער קענט אז דער וועכטער שלאפט . האט דער גבאי איהם געשלאגען מיט א שטעקין . און דער גבאי האט געמעגט פאר ברענגען דיא קליידער פון דעם וועכטער . און דיא מענטשין וואס זענען געוועזען אין די עזרה האבען געפרעגט וואס איז דער געשריי וואס מען הערט אין די עזרה . האט מען געענטפערט דער געשריי איז פון א לוי וואס מען שלאגט איהם און מען פאר ברענט זיינע קליידער ווייל ער איז געשלאפען אויף דיא וואך זיינע . רבי אליעזר בן יעקב זאגט אמאהל האט מען געפונען מיין מוטערס ברודער (ער איז געוועזען א לוי) און ער איז געשלאפען אויף דיא וואך . האט מען פאר ברענט זיין קלייד . רבי חייא בר אבא האט גזאגט אז רבי יוחנן פלעגט לערנען דיא משנה האט ער אזוי גזאגט . וואוהל איז געוועזען צו די פריערדיגע מענטשין זייא פלעגין שטראפען אפילו אויף אזוי א עבירה וואס איינער הט געטאן ניט מוטהוויליג . נאר ער איז געוועזען גענייט דער צו . למשל אזוי וויא דער וועכטער . ער איז דאך ניט געשלאפען מוטהוויליג . נאר דער שלאף הט איהם גענייט ער זאל אנטשלאפען ווערין . פון דעסטוועגין הט מען איהם געשלאגען . אז איינער הט געטאהן א עבירה מוטהוויליג הט מען איהם געווים געשטראפט :

ד תניא . מיר האבען געלערנט רבי זאגט וועלכע איז דיא גלייכע וועג וואס דער מענטש זאל אויס קלייבען פאר זיך . ער זאל ליב האבען דעם מענטש וואס ער שטראפט איהם . ווארום ווען עס איז דא שטראף אויף דער וועלט . אז איין מענטש שטראפט דעם אנדערין פאר וואס ער טוהט א עבירה . קומט פערגעניגען אויף דער וועלט . גוטס און ברכות קומט אויף דער וועלט . און דיא שלעכטס ווערט אפ געטאהן פון דער וועלט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק צו די מענטשין וואס שטראפען וועט זיין (זייער לעבין) זיס . און די מענטשין וואס נעמען צו די שטראף און זייא ווערין פרימער) אויף זייא וועט קומען גוטע בענטשונג . און

ינעם ועליהם תבא ברכת טוב וי"א יחזיק באמונה יתירה שנאמר (תהלים קא) עיני בנאמני ארץ וגו'. אמר רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן כל המוכיח את חבירו לשם שמים זוכה לפלגו של מקום שנא' (משלי כח) מוכיח אדם אחרי ולא עוד אלא שמושכין עליו חוט של חסד שנאמר חן ימצא

אהא מדלכים היכרים ביכור לו האדם : ויש אומרים יחזיק באמונה יתרה. יצא ויתן עם בני אדם באמונה ולא יהנה את הבריות : לפלגו של מקום. להיות בחלקו של מקום כלומר בתוך מחיצתו : אדם אחרי. המוכיח יהיה אחרי כלומר עמי : גוזמא. כלומר מלתא בעלמא הוא דקאי ולאו דוקא דמעולם לא הגיע לשלש מאות כור דמקום המערכה לא היתה יכולה להחזיק שלש מאות כור : השקו את התמיד וכו'. היתה נוח להפשיט : דברה

ראוהו אחיו פרק שני

במשנה איתא תפוח היה באמצע המזבח פעמים שהיו עליו כשלש מאות כור. ועלה (דף כט) **א אמר** רבא גוזמא. השקו את התמיד בכוס של זהב אמר רבא גוזמא. אמר רבי אמי דברה תורה לשון הבאי דברו נביאים לשון הבאי דברו חכמים לשון הבאי. דברה תורה לשון הבאי דכתיב (דברים א) ערים גדולות ובצורות בשמים בשמים ס"ד אלא גוזמא. דברו חכמים לשון הבאי הא דאמרן התפוח והשקו את התמיד בכוס של זהב. דברו נביאים לשון הבאי דכתיב (מ"א א) ויעלו כל העם אחריו והעם מחללים בחלילים וגו' ותבקע הארץ בקולם. אמר רבי ינאי בר נחמני אמר שמואל בשלשה מקומות דברו

אנדערע זאגען וועלכע איז דיא גוטע וועג וואס דער מענטש זאל אויס קלייבען. ער זאל ערליך האנדלען מיט מענטשען אונ ער זאל קיינעם ניט נארען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט געזאגט מיינע אויגען זעהן נאר אז מיט מיר זאלען זיצען דיא בגלויבטע מענטשען פון דער וועלט. רבי שמואל בר נחמני האט געזאגט פון רבי יונתן וועגען דער וואס שטראפט דעם חבר פון גאטס וועגין. איז ער זוכה צו זיין נאהנט פון גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מוכיח אדם אחרי. גאט זאגט דער וואס שטראפט דיא מענטשען וועט ער זיין אינטער מיר (מיט מיר) ; אונ נאך מער וועט ער האבען גאט וועט ציהען אויף איהם אפאדים פון חסד. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק חן ימצא. דער שטראפער וועט געפינען חן ביי אלע מענטשען :

פרק שני

א אין דער משנה שטייט אז אויף דעם מיטען מזבח פלעגט ליגען אבארג אש קילעבדיג וויא אעפיל. אמאהל פלעגט זיין אין דעם בארג דריי הונדערט כור אש (אכור איז אזוי אמאס אגרויסע פון פאר צייטען). זאגט רבא די משנה האט אן גיהאפט אגוזמא. צוא פיל. עס איז קיין מאהל ניט גיוועען אין דעם בארג אש דריי הונדערט כור. נאך שטייט אין דער משנה דער שעפס וואס ער איז גיוועען אקרבן תמיד האט מען איהם גיגעבען טרינקען וואסער פאר דעם שעכטין אין אגאלדענעם בעכער. האט רבא געזאגט דיא משנה האט אן גיהאפט אגוזמא. צו פיל. דער בעכער איז ניט גיוועען גאלד. נאר אזוי אטייערער בעכער. רבי אמי זאגט דיא תורה זאגט אמאהל אגוזמא. אונ דיא נביאים זאגען אמאהל אגוזמא. אונ דיא חכמים זאגען אמאהל אגוזמא. פון וואנען ווייסען מיר אז דיא תורה זאגט אמאהל אגוזמא. ווארום עס שטייט אין פסוק דיא שטעט זענען גרויסע אונ פעסטע ביז אין הימעל. איז דען ביז אין הימעל. נאר עס איז אגוזמא. אז דיא חכמים זאגען אמאהל אגוזמא ווייסען מיר פון דיא אש אונ פון דעם גאלדענעם בעכער (וויא פריער שטייט). אז דיא נביאים זאגען אמאהל אגוזמא ווייסען מיר פון דעם פסוק דאס גאנצע פאלק זענען אויף גיגאנגען נאך שלמה אונ דאס פאלק האבען געשפילט מיט אזוי אהויכע שטימע אז דיא ערד איז צו שפאלטען גיווארען פון זייער שטימע. איז דען דיא ערד צו שפאלטען גיווארען פון זייער שטימע. נאר עס איז אגוזמא. רבי ינאי בר נחמני זאגט פון שמואלס וועגין ביי דריי זאכען האבען די חכמים גזאגט אגוזמא. ביי דיא אש וויא

דברו הכמים לשון הבאי ואלו הן הפות גפן ופ־וכת וכו' הני אין התם לא אין עניות במקום עשירות :

לא היו כופתין פרק רביעי

(ד' לא ע"ב) **א עשרה** דברים שאל אלכסנדרוס מוקדון את זקני הנגב אמר להן (דף לב) מן השמים לארץ רחוק או ממזרח למערב אמרו ליה ממזרח למערב תדע שהרי חמה במזרח הכל מסתכלין בה חמה במערב הכל מסתכלין בה וחמה באמצע הרקיע אין הכל מסתכלין בה . וחכ"א זה וזה שוין כאחת שנאמר (תהלים קג) כי כגבוה שמים על הארץ גבר חסדו על יראיו (שם) כרחוק מזרח ממערב ואי חד נפיש לכתוב תרוייהו בההוא דנפיש אלא מאי טעמא המה

תורה לשון הבאי . כהדם שרולה להזק דבריו : אבל התם אין עניות במקום עשירות . ולא גוזמא דכל מעניהם בעושר ובררה [ועיין בחולין דף צ'] : מן השמים לארץ רחוק . כלומר איזה רחוק יותר : אמרו לו מתורה למערב . רחוק יותר משמים לארץ : תדע שהרי חמה במזרח הכל מסתכלין בה המה באמצע הרקיע אין הכל מסתכלין בה . ולמה לפי כשהחמה במזרח או במערב היא רחוקה ובשביל שהיא רחוקה יכולים להסתכל בה שאין האורה מזקת לעינים אבל כשהיא באמצע הרקיע קרובה והאורה מזהיר כ"כ שאין יכולין לראות : (כהסוא דנפיש . יכתיב כרחיק מזרח ממערב גבר הכדו על יראיו הרחיק ממנו את פשעינו

פְרִיעֶר שְׁטֵייט]. אוּנ בַּייא דֶעם גָאלְדֶענֶעם וַויין שְׁטָאק . אוּנ בַּיי דֶעם פָּרוֹכֶת [אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין דִיא מַסֶכְתָּא חוּלִין פֶּרֶק גִיד הַנָשֶׁה סִימָן א]. אָבֶּער דֶער גָאלְדֶענֶער בֶּעכֶער אִיז נִיט אַנוּזְמָא. וָוארוּם בַּיי אַרַייבֶען זֶעהט מֶען נִיט־קֵיין אָרֶעמְקֵייט. אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ הָאט זִיךְ אַלֶץ גֶעפִירְט רַייךְ מִיט רַייכֶע גָאלְדֶענֶע כֵּלִים . הָאט מֶען דֶעם קָרְבָּן תָּמִיד גִינֶעבִּין טְרִינְקֶען אִין אַגָאלְדֶענֶעם בֶּעכֶער

פרק רביעי

ח אמר. רבי שמעון בן יוחאי האט געזאגט פינף זאכען זענען דא אז א מענטש טוהט (אפילו איינע פון) זייא הרגת ער זיך אליין: און נאך זיין שטארבין ווערט ער געשטראפט פאר וואס ער האט זיך אליין געהרגת. און דאס זענען די פינף זאכען. אז ער עסט קנאביל אפ געשיילטע (וואס זענען געלעגין אפ געשיילט א גאנצע נאכט). אדער ער עסט א ציבעלע אפגעשיילטע. אדער א איי אפגעשיילטע. וואס זענען געלעגין אפ געשיילט א גאנצע נאכט. אדער ער האט צו מישט משקה מיט וואסער און זייא זענען געשטאנען א גאנצע נאכט און מארגין טרינקט ער דיא משקה. און דער וואס נעכטיגט א גאנצע נאכט אויף דעם בית הקברות. און דער וואס שנייד אפ זיינע נעגיל און ווארפט זייא אין גאס. און דער וואס מען עפינט איהם א אדער און באלד נאך דעם איז ער משמש המטה. זאגט דיא גמרא קנאביל אדער ציבעלע אדער א איי וואס זענען געלעגין אפ געשיילט א גאנצע נאכט אפילו זייא זענען געלעגין אין א קארב צו געדעקט און פאר בונדען און פאר חתמת פון דעסטוועגין רוהט אויף זייא א שלעכטער לופט און זייא ווערין קאליע. און דער מענטש וואס עסט זייא הרגת זיך אליין. דאס איז נאר אז אויף דיא קנאביל און אויף דיא ציבעלע איז ניט געבליבען דיא האר וואס אויף דיא קעפלאך. אדער א שטיקיל שאלאכץ איז אויך ניט געבליבען. זייא זענען געווען אפ געשיילט אין גאנצין. אבער אז עס איז געבליבען פון הויבין דיא האר וואס אויף דיא קעפלאך. אדער עס איז געבליבען א ביסעל שאלאכץ. זייא זענען ניט געווען אפ געשיילט אין גאנצין. מעג מען דאס עסין. און דער וואס טרינקט משקה וואס איז צו מישט געווארין מיט וואסער נעכטין און עס איז אזוי געשטאנען א גאנצע נאכט הרגת ער זיך אליין. האט רב יהודה געזאגט פון שמואלס וועגין דאס איז נאר אז דיא משקה האט גינעכטיגט אין א כלי פון מתכות (גאלד. זילבער מעש קופער אייזין צין בלייא. אדער אנדערע זאכען וואס ווערין געשמאלצען). רב פפא זאגט א כלי פון נתר (א זעלכע ערד) איז אויך גלייך צו א כלי פון מתכות. אבער אז עס האט גינעכטיגט אין אין אנדער כלי.

כדי שתשרה עליו רוח טומאה זמנין דמסכנין ליה. והנוטל צפרניו וזורקן לרשות הרבים מפני שאשה מעוברת עוברת עליהן ומפלת ולא אמרן אלא דשקיל בגנוכטריה ולא אמרן אלא דשקיל דידיה ודכרעיה ולא אמרן אלא דלא גז מידי בתרייהו אבל גז מידי בתרייהו לית לן בה ולא היא לכולא מלהא חיישינן. ת"ר ג' דברים נאמרו בצפרנים שורפן חסיד קוברן צדיק זורקן רשע. והמקיז דם ומשמש מטתו דאמר מר הקיז דם ושמש מטתו הויין לו בנים ויתקין הקיזו שניהם ושמשו הויין לו בנים בעלי ראתן אמר רב ולא אמרן אלא דלא טעים מידי אבל טעים מידי לית לן בה:

טומאה. כמדת הגלים שקורין גרמנטי"ר כלומר את העינים: בגנוכטריה. מספריים: חסיד. עדיף מלדיק כשקוברם איכא למיחש דשדי ומגלי: ויתקין. זכרים: בעלי ראתן. הלא יותר מדאי שים לפס סרך במות כדאמרינן בכתובות:

ט אמר רב חסדא אסור לו לאדם שישמש מטתו ביום שנאמר (ויקרא יט) ואהבת לרעך כמוך מאי משמע אמר אביי שמא יראה בה דבר מגונה ותתגנה עליו א"ר

מעג מען דיא משקה טרינקען. אונ דער וואס געכטיגט אויף אבית הקברות עס זאל אויף איהם רוהען אגייסט פון טומאה. הרגת ער זיך אליין. ווארום אמאהל ברייגגען איהם דיא שדים אין אסכנה. אונ דער וואס שניידט אפ זיינע נעגיל אונ ווארפט זייא אין גאס ברייגגט ער אמענטשין אין אסכנה. ווייל עס קען זיין אאשה וואס איז מעוברת וועט ארויף טרעטין אויף דיא נעגיל וועט זי מפיל זיין דם קינד. אונ ווען קען די אשה מפיל זיין נאר אז דיא נעגיל זענען געשניטען געווארין מיט אשעריל [אדער מיט אמעסעריל]: אונ נאר אז ער הט אפ געשניטען די נעגיל פון די הענט אונ פון דיא פים: אונ ער הט ביידע ערליי נעגיל צו זאמען אוועק געווארפין אין גאס. אונ נאר אז ער הט גאר ניט נאך געשניטען נאך די נעגיל שניידין. אבער אז ער הט עפעס נאך געשניטען נאך די נעגיל שניידין [אזוי וויא מיר שניידין אשטיקיל הארץ נאך די נעגיל שניידין] קענען דיא נעגיל קיינעם ניט שאדין טאהן. זאגט דיא גמרא אבער עס איז ניט אזוי צו אלע זאכין האבין מיר מורא [אפילו עס איז ניט געשניטען געווארין נאר ער הט אפ געביסען די נעגיל. אונ אפילו ער הט אפ געשניטען דיא נעגיל פון דיא פים אליין אדער פון די הענט אליין אונ אפילו ער האט עפעס נאך געשניטען נאך דיא נעגיל שניידין. פון דעסטוועגין קען אזוי אאשה מפיל זיין אז זיא טרעט ארויף אויף דיא נעגיל]. דריבער טאר מען זייא ניט ווארפין אין גאס:

די רבנן האבין גילערונט דריי זאכין זענען גזאגט געווארין ביי די נעגיל. דער וואס פאר ברענט זיי איז אחסיד. דער וואס בגראבט זייא איז אצדיק. דער וואס ווארפט זייא אוועק איז ארשע. אונ דער מענטש וואס מען עפינט איהם אאדער אונ באלד דער נאך איז ער משמש המטה הרגת ער אמענטשין. ווארום דער רבי הט גזאגט דער מענטש וועם מען עפינט אים אאדער אונ באלד דער נאך איז ער משמש המטה. האט ער שוואכע קינדער. אונ אויב מען הט גיעפינט אדער דעם מאן אונ דאם ווייב אונ דער נאך האבען זיי משמש המטה גיוועןן. זענען דיא קינדער נאך שוואכער אונ זיי האבין אשערץ אין מוח. אונ פון שוואכקייט וועלין זיי שטארבין. האבין דאך די פאטער אונ מוטער גיהרגת זייערע קינדער. רב זאגט דאס איז נאר אז זייא האבין נאר ניט גיגעסין נאך דעם אדער עפענען. אבער אז זייא האבין עפעס גיגעסין נאך דעם אדער עפענען אייהער זיי האבין משמש המטה גיוועןן. איז שוין זייער כח גישטארקט געווארין: וועלין שוין דיא קינדער ניט זיין שוואך:

ט אמר. רב חסדא האט גזאגט אמענטש טאר ניט משמש המטה זיין ביי טאג. ווארום עס שטייט אין פסוק דו זאלסט ליב האבין דיין חבר אזוי וויא זיך אליין. פרעגט דיא גמרא ווס ווייסין מיר פון דעם פסוק צו תשמיש המטה. הט אביי גזאגט ווייל עס איז ביי טאג האבין מיר מורא טאמער וועט ער זעהן ביי איר אמיאוסה זאך וועט זיא אויף איהם פאר

א"ר הונא ישראל קדושים הם ואין משמשין מטותיהן ביום אמר רבא ואם היה בית אפל מותר ות"ח מאפיל בכסותו ומשמש:

(דף כ) י **אמר** להו ר' ינאי לבניו בני אל תקברוני לא בכלים שחורים ולא בכלים לבנים שחורים שמא אזכה ואהיה כאבל בין החתנים לבנים שמא לא אזכה ואהיה כחתן בין האבלים אלא בכלים האולייריו הבאים ממדינת הים:

(ע"ב) יא **אמר** רבי יוחנן חכמתא דרבי חנינא גרמא לי דלא אחזי דמא מטמינא מטהר מטהרנא כטמא. אמר רבי אלעזר ענותנותו דר"ח גרמא לי דחזאי דמא ומה רבי חנינא דענותן הוא מחית נפשיה לספק וחזי אנא לא אחזי. אמר רבי זירא טבעא דבבל גרמא לי דלא חזאי דמא דאמינא בטבעא לא ידענא בדמא ידענא למיטרא דבטבעא

ת"ח. דידע לאמעוטי נפשיה:

שמא אזכה. לג"ע והצדיקים מלובשים לבנים: אולייריין. בלנים מחממי מרחצאות ל"א שם מקום:

מיאוסת ווערין. אונ ער וועט איר פיינט האבין. אונ די תורה הט דאך גזאגט אז אמענטש זאל ליב האבין זיין חבר וויא זיך אליין. דריבער טאר מען ניט משמש המטה זיין ביי טאג. רב הונא זאגט די יודין זענען היילגי אונ זיי זענען ניט משמש המטה ביי טאג: רבא זאגט אין אפינסטערע שטוב מעג מען משמש המטה זיין ביי טאג. אונ אתלמיד חכם מעג אפילו אין אליכטיגע שטוב אויך משמש המטה זיין ביי טאג ווארום ער דעקט אריבער מיט אקלייד אונ איז איר בועל:

י אמר. רבי ינאי האט גזאגט צוא זיינע קינדער. מיינע קינדער איר זאלט מיך ניט בגראבין אין שווארצע קליידער אונ ניט אין ווייסע קליידער. אין שווארצע קליידער זאלט איר מיך ניט בגראבין טאמער וועל איך זוכה זיין צו זיצען אין גן עדן צווישען צדיקים. אונ צדיקים גייען אין ווייסע קליידער. אונ איך וועל גיין אין שווארצע קליידער. וועל איך אויס זעהן וויא אאבל צווישען חתנים. אונ אין ווייסע קליידער זאלט איר מיך ניט בגראבין טאמער וועל איך ניט זוכה זיין וועל איך זיין אין גיהנם צווישען רשעים וואס זייא גייען אין שווארצע קליידער. אונ איך וועל גיין אין ווייסע קליידער. וועל איך אויס זעהן וויא אחתן צווישען אבלים. נאר איר זאלט מיך בגראבין אין דיא קליידער פון דיא שטאט אולייריין וואס זייא ווערין גיברייננט פון דיא מדינות וואס זענען אויף דעם ים. זיי זענען ניט שווארץ אונ ניט ווייס:

יא אמר. רבי יוחנן האט גזאגט די חכמה פון רבי חנינא האט מיך גיבריינגט דער צו אז אאשה ברייננט פאר מיר אהעמד מיט בלוט איך זאל זעהן אויב דאס איז דם נדה אדער ניין: וויל איך ניט פסקנן. ווארום אז איך פלעג זאגין טמא. פלעגט רבי חנינא זאגין טהור אונ אז איך פלעג זאגין טהור פלעגט רבי חנינא זאגין טמא. דריבער וויל איך שוין ניט פסקנן. רבי אלעזר האט גזאגט דאס וואס רבי חנינא איז אזוי קליין ביי זיך דאס האט מיך גיברייננט דער צו אז איך זאל יא פסקנן שאלות פון אאשה אויב זיא איז טמא אדער טהור. ווארום מאדאך רבי חנינא וואס ער איז אזוי פרום אז פון פיל פרומקייט איז ער ביי זיך גאר ניט. פון דעסטוועגין קלערט ער אין דיא שאלות אונ פסקנת וועלכע אשה איז טהור צום מאן אונ וועלכע איז טמא. וואס טאמער הט ער אטעות איז ער מתיר אאיסור פון כרת. אונ ער האט ניט מורא פאר דעם. איז דאך אסימן אז מען קען דער קענען גרינג וועלכע בלוט איז טמא אונ וועלכע איז טהור. זאל איך ניט פסקנן אזעלכע שאלות. וואס איך בין ניט אזוי פרום וויא רבי חנינא. רבי זירא הט גזאגט די נאטור פון בבל האט מיך גיברייננט דער צו אז איך זעה ניט קיין בלוט פון אאשה. צו עס איז טמא צוא טהור. ווארום איך האב גזאגט אז איך

דבטבעא תליא מילתא והא רבה [לפמ"ש רש"י לקמן ד"ה מרהיה הכי' רגא] הוא דידע בטבעא ולא ידע בדמא כ"ש קאמר וכה רבה דידע בטבעא לא חזא דמא ואנא א"זי:
יב **עולא** איקלע לפומבדיתא אייתו לקמיה דמא ולא חזא אמר ומה ר' אלעזר דמרא דארעא דישראל הוה כי מקלע לאתרא דרב יהודה לא חזי דמא אנא אחזי ואמאי קרי ליה מרא דארעא דישראל דההיא אתתא דאייתי דמא לקמיה דר"א הוה יתיב ר' אמי קמיה ארחיה אמר לה חימוד הוא בתר דנפק אטפל לה ר' אמי אמרה ליה בעלי היה בדרך ווזמדתיו קרי עליה (תהלים כה) סוד ה' ליראיו • איפרא הורמיז אימיה דשבור מלכא שדרה דמא לקמיה דרבא [ע' תוס'] הוה יתיב רב עובדיה קמיה ארחיה אמר להו האי דם חימוד הוא אמרה ליה לברא הא הזי כמה חכימין יהודאי אמר לה דלמא כסומא בארובה הדר שדרה ליה שיתין מיני דמא וכולהו אמרינהו ההוא

מרא דארעא דישראל. בקי במראות דם מכל חכמי א"י כדמפרש לקמן:
פומבדיתא. אתריה דרב יהודה בשילהי פרק קמא דסנהדרין סב דפומבדיתא רב יהודה ורב עינא: ולא חזא. משום כבודו דרב יהודה: ארחיה. הריח בו: חימוד. שנתאוית לבעלה וראתה הדם מחמת תאוה: איפרא הורמיז. נכרית היתה וכן שמה ואעפ"כ היתה משמרת עצמה מנדות וקרובה להתגייר ואף קרבנות היתה שולחת ולשון יוני איפרא הן כמו אפריון נמטייה לר"ש: הורמיז. כמו הורמיז בר לילתא כלומר יופי שדים הוה לה: ארחיה וכו'. ואע"ג דאמר רבא לעיל לא ידע

וויים ניט די נאטור וועל איך וויסען דיא בלוט וועלכע איז טמא אונ וועלכע איז טהור. פרעגט דיא גמרא ווענדט זיך דען דם בלוט זעהן אן די נאטור צו וויסען. רבא וויים דאך די נאטור פון דעסטוועגין ווייס ער ניט צו פסקנן וועלכע בלוט איז טמא אונ וועלכע איז טהור. ענטפערט דיא גמרא אזוי האט רבי זירא גזאגט. מאראך רבא וואס ער ווייס דיא נאטור וויל ער ניט זעהן וועלכע בלוט איז טמא אונ וועלכע בלוט איז טהור. טאמער וועט ער האבען אטעות. וועל איך זעהן. איך וועל דאך געוויס האבען אטעות:

יב עולא איז אמאהל גיקומען אין פומבדיתא. האט מען גיבריינגט פר איהם בלוט ער זאל זעהן אויב זייא זענען טמא אדער טהור. האט ער ניט גיוואלט זעהן. ער האט גזאגט מאראך רבי אלעזר וואס ער איז דער בעל הבית פון גאנץ ארץ ישראל. אין דיא שאלות פון בלוט וועלכע איז טהור אונ וועלכע איז טמא ווייס ער בעסער פון אלע חכמים וואס אין ארץ ישראל. פון דעסטוועגין אז ער איז גיקומען אין די שטאט ווס רב יהודה הט גיוואוהנט. הט ער ניט גיוואלט זעהן קיין בלוט פון וועגין דעם כבוד פון רב יהודה. זאל איך זעהן בלוט אין פומבדיתא ווס דא וואוהנט רב יהודה. זאגט דיא גמרא פאר ווס רופט מען רבי אלעזר דער בעל הבית פון ארץ ישראל. ווארום אמאהל האט אאשה גיבריינגט בלוט פאר רבי אלעזר. איז רבי אמי גיזעסין פר רבי אלעזר. הט רבי אלעזר אשמעק גיטאהן די בלוט אונ ער הט גזאגט צו דיא אשה דם בלוט איז דיר גיקומען פון תאוה ודי אשה הט גיגלוסט צוא איר מאן. אונ דורך דעם איז ארויס גיגאנגען דם בלוט. דער נאך ווי רבי אלעזר איז ארויס גיגאנגען הט רבי אמי גיפרעגט ביי די אשה צו עס איז אמת ווי רבי אלעזר הט גזאגט. הט די אשה גזאגט מיין מאן איז גיוועזן אין וועג האב איך גיגלוסט צו איהם. אונ פון דעם גלוסטין איז ארויס גיגאנגען דם בלוט. האט רבי אמי גזאגט אויף רבי אלעזר דעם פסוק סוד ה' ליראיו. גאט זאגט צו די מענטשין ווס האבין מורא פאר איהם אלע סודות. איפרא הורמיז די מוטער פון שבור מלכא הט געשיקט בלוט פאר רבא. איז גיזעסען רב עובדיה פר רבא. הט רבא אשמעק גיטאהן דיא בלוט. הט ער גזאגט צום שליח דם בלוט איז איר גיקומען פון תאוה. האט איפרא הורמיז גזאגט צו איר זוהן זעה ווי קלוג דיא יודען זענען. האט דער זוהן גזאגט צו דיא מוטער טאמער הט רבא גזאגט אן חכמה נאר ער הט גיטראפען. אזוי וויא דער בלינדער ווס גייט אויף דעם דאך אונ טרעפט אראפ צוא פאלען דורך דעם פענסטער. הט ער דען גיוואלט אראפ פאלען. נאר עס האט זיך גיטראפען. רבא הט אויך ניט גימיינט אזוי צו זאגין. נאר עס איז איהם אזוי ארויס פון מויל. האט איפרא הורמיז נאך אמאהל געשיקט צו רבא זעכציג ערליי בלוהט. אויף אלע בלוהט הט רבא גיוואוסט

ההוא בהרא דם כנים הוה ולא הוה ידע איסתייעא סלתא ושדר לה מסריקותא דמקטלי כלמי אמרה יהודאי בתווני דלבא (יתבי):

המפלת פרק שלישי

(דף כד ע"ב) **א אמר** רב יהודה אמר שמואל המפלת דמות לילית אמו טמאה לידה ולד הוא אלא שיש לו כנפים. תניא נמי הכי אמר רבי יוסי מעשה בסימוניא באחת שהפילה דמות לילית ובא מעשה לפני חכמים ואמרו ולד הוא אלא שיש לו כנפים:

ב תניא אבא שאול אומר קובר מתים הייתי והייתי מסתכל בעצמות של מתים השותה יין חי עצמותיו שרופים מזוג עצמותיו סכויין כראוי עצמותיו משוחין וכל מי ששתיתו מרובה מאכילתו עצמותיו שרופין אכילתו מרובה מ שתיתו עצמותיו סכויין כראוי עצמותיו משוחין. תניא אבא שאול אומר ואיתימא רבי יוחנן קובר מתים הייתי פעם אחת רצתי אחר צבי נכנסתי בקולית ש"ל מת ורצתי אחריו שלש פרסאות וצבי לא הגעתי

בדמא כיסא לאיתרחיש ליה: סלתא לה. מסוב דורין: מסריקותא: מסרק נאה: מקטלא כלמי. שהורגת עליה כנים וסברה ודאי הבין מה"ס שלא לי האי: כלמי. כנים כדמתרגמינן כנים כלמיתא: בתווני דלבא. בחדרי הלב אנחנו יושבים בחדרי מתרגמינן בתווניא כלומר כל חכמה מצויה אצלנו:

דמות לילית. שידה שיש לו פרצוף אדם ויש לו כנפים:

סכויין. בהורים שמעתי. ל"א סכויין בלא מות ומשיחה אלא יבשים: מזוג. יותר מדאי: קולית

צו זאגען וואס פאר אבלוט דס איז; די לעצטע איז געוועזן בלוט פון לייז. האט רבא גיט געוואוסט וואס פאר אבלוהט דס איז. דער ווייל איז גילעגען ביי רבא אשיינער קאם. האט ער גינומען דעם קאם אונ ער האט גיגעבען דעם שליח ער זאל ברייגען צו איפרא הורמיז אמתנה אונ מען האט איר גגעבען דעם קאם. האט איפרא הורמיז גימיינט אז רבא ווייס אנגדי בלוט איז פון לייז. צום צייבען האט ער איר געשיקט דעם קאם וואס מען הרגת אויף איהם לייז. האט איפרא הורמיז גזאגט די יודען זיצען אין מיין הארץ. אונ ווייסען אלץ וואס איך טוה אונ וואס איך טראכט. אזוי קלוג זענען זיי:

פרק שלישי

א אמר: רב יהודה האט גזאגט פון שמואלס וועגין אז א אשה האט גיבארין אקינד וואס זעהט אויס אזוי וויא די לילית (די מוטער פון די שדים). איז די מוטער טמא אזוי ווי אלע מוטערס וואס ניבארין קינדער. ווארום ער איז אקינד וויא אלע קינדער נאר ער האט פליגול. מיר האבען אויך אזוי גילערונט רבי יוסי הט גזאגט אין די שטאט סימוניא, האט אמאהל גיטראפען אאשה האט גיבארין אקינד וואס האט אויס גיזעהן אזוי ווי די לילית. הט מען ד ער ציילט פאר דיא חכמים. האבען דיא חכמים גזאגט דס איז אקינד ווי אלע קינדער נאר ער האט פליגול:

ב תניא. מיר האבען גילערונט אבא שאול זאגט איך בין גיוועזן אטויטען גרעבער (איך פלעג בגראבען די טויטע). פלעג איך אלע מאהל זעהן די ביינער פון די טויטע. האב איך אזוי גיזעהן. דער מענטש וואס פלעגט טרינקען ריינעם ווייין (אן וואסער געמישט) זענען זיינע ביינער גיוועזן פר ברענט. דער וואס הט גיטרונקען וויין געמישט מיט צו פיל וואסער זענען זיינע ביינער שווארץ אונ דער וואס הט גיטרונקען וויין וואס איז גיוועזן געמישט מיט וואסער אזוי וויא דיא מאס דארף זיין. זענען זיינע ביינער פעט מיט מארך. אונ דער וואס טרינקט מער וויא ער עסט זענען זיינע ביינער פר ברענט. אונ דער וואס עסט מער ווי ער טרינקט זענען זיינע ביינער שווארץ. אונ דער וואס זיין עסין אונ זיין טרינקען זענען מיט דיא מאס. זענען זיינע ביינער פעט מיט מארך:

מיר האבין גילערונט אבא שאול זאגט אנדערע זאגין רבי יוחנן הט גזאגט איך בין גיוועזן אטויטין גרעבער אמאהל בין איך גילאפין נאך אהערש. איז דער הערש אריין גילאפין אין אקוליא פון אמת בין איך אריין גילאפין אין דער קוליא (דער ביין וואס איז פון קניה ביז צום בויך) הייסט

קולית. עצם הירך: דיילא. שמש דרבנן ואדא שמו. פרשתכינא. שם איש: טיפין

הגעתי וקולית לא כלתה וכשחזרתי לאחורי אמרו לי של עוג מלך הבשן היה. תניא אבא שאול אומר קובר מתים הייתי פעם אחת נפתחה מערה תחתי ועמדתי בגלגל עיניו של מת עד חוטמי כשחזרתי לאחורי אמרו עין של אבשלום הוה ושמא תאמר אבא שאול ננס הוה אבא שאול ארוך בדורו הוה ורבי טרפון מגיע לכתפו ורבי טרפון ארוך בדורו הוה (ורבי עקיבא מגיע לכתפו ורבי עקיבא ארוך בדורו הוה) ורבי מאיר מגיע לכתפו ורבי מאיר ארוך בדורו הוה ורבי מגיע לכתפו ורבי ארוך בדורו הוה ורבי חייא מגיע לכתפו ורבי חייא ארוך בדורו הוה ורב מגיע לכתפו רב ארוך בדורו הוה ורב יהודה מגיע לכתפו ורב יהודה ארוך בדורו הוה ואדא דיילא (דפומבדיתא) מגיע לכתפו (דף כה) ופרשתכינא דפומבדיתא קאי ליה לאדא דיילא עד חרציה וכולי עלמא קאי ליה לפרשתכינא עד פלגיה:

ג **את** זו דרש רבי יהושע בן חנניא (בראשית ג) ויעש ה׳ אלהים לאדם ולאשתו כתנות עור וילבישם מלמד שאין הקדוש ברוך הוא עושה עור לאדם אלא אם כן נוצר:

ד **אבא** שאול אומר תחלת ברייתו של ולד מראשו ושתי עיניו כשני טיפין של זבוב תני ר׳ חייא

קוליא). און איך בין געלאפען אין דער קוליא נאך דעם העריש דריי מייל און דעם העריש האב איך ניט גיחאפט און די קוליא האט זיך נאך ניט אויס גילאזט. ווען איך בין ארוים גיקומען צוריק פון די קוליא האט מען מיר גזאגט אז די קוליא איז פון עוג מלך הבשן. מיר האבין גילערנט אבא שאול האט גזאגט איך בין גיוועזען אטויטין גרעבער אמאהל האט זיך גיעפענט אגרוב אונטער מיר און אין דער גרוב איז גיוועזען אמת און איין אויג פון דעם מת איז גיוועזען ארוים גינומען און איך בין געבליבען שטיין אין דער לאך פון דעם אויג ביז צו מיין נאז. ווען איך בין ארוים גיגאנגען צוריק פון דער לאך הט מען מיר גזאגט דאס איז גיוועזען די אויג פון אבשלום. טאמער וועסטו זאגין אז אבא שאול איז גיוועזען אנידעריגער מענטש. אבא שאול איז גיוועזען אין זיין דור דער העכסטער מענטש. און רבי טרפון איז גיוועזען הויך ביז צוא דעם אקסיל פון אבא שאול. און רבי טרפון איז גיוועזען אין זיין דור דער העכסטער מענטש. און רבי עקיבא איז גיוועזען הויך ביז צו דעם אקסיל פון רבי טרפון. און רבי עקיבא איז גיוועזען אין זיין דור דער העכסטער מענטש. און רבי מאיר איז גיוועזען הויך ביז צוא דעם אקסיל פון רבי עקיבא. און רבי מאיר איז גיוועזען אין זיין דור דער העכסטער מענטש. און רבי איז גיוועזען הויך ביז צו דעם אקסיל פון רבי מאיר. און רבי איז גיוועזען אין זיין דור דער העכסטער מענטש. און רבי חייא איז גיוועזען הויך ביז צוא דעם אקסיל פון רבי. און רבי חייא איז גיוועזען אין זיין דור דער העכסטער מענטש. און רב איז גיוועזען הויך ביז צוא דעם אקסיל פון רבי חייא. און רב איז גיוועזען אין זיין דור דער העכסטער מענטש. און רב יהודה איז גיוועזען הויך ביז צו דעם אקסיל פון רב. און רב יהודה איז גיוועזען אין זיין דור דער העכסטער מענטש. און אדא דער שמש פון די רבנן איז גיוועזען הויך ביז צו דעם אקסיל פון רב יהודה; און דער מענטש פרשתכינא פון פומבדיתא אז ער הט זיך גישטעלט נעבין דעם אדא; איז ער נאר הויך גיוועזען ביז די לענדין פון אדא. און די גאנצע וועלט מענטשין זענען נאר הויך גיוועזען ביז צו די העלפט פון דעם פרשתכינא:

ג את. דאס האט גידרשת רבי יהושע בן חנניה עס שטייט אין פסוק גאט הט גימאכט צו אדם און צו זיין ווייב העמדלאך פון פעל און ער הט דאס ארויף גיצויגען אויף זייער לייב. דער פסוק דער ציילט אונז אז גאט ציהט ניט ארויף אהויט אויף דעם קינד ווען ער איז אין די מוטערס בויך ביז ער ווערט אין גאנצען בשאפען:

ד אבא שאול זאגט דער אנהייב בשאפונג פון דעם קינד אין דער מוטערס בויך איז די קאפ. און זיינע צוויי אויגען זענען גרוים אזוי וויא די צוויי אויגען פון אפליג. רבי חייא הט

חייא מרוחקין זה מזה. ב' חוטמין כב' טיפין של זבוב תני רבי חייא ומקורבין זה לזה ופיו מתוח כחוט השערה וגויתו כעדשה ואם היתה נקבה נכרת כשעורה סדוקה לארכה. ותתוך ידים ורגלים אין לו ועליו מפורש בקבלה (איוב י) הלא כחלב תתיכני וכגבינה תקפיאני עור ובשר תלבישני ובעצמות וגידים תשוככני חיים וחסד עשית עמדי:

(דף כז) **ה** ת"ר שליא בבית הבית טמא לא שהשליא ולד אלא שאין שליא שאין ולד עמו

דברי ר"מ רבי יהודה ורבי יוסי ורבי שמעון מטהרין כו' יתיב רב פפא אחוריה דרב ביבי קמיה דרב המנונא ויתיב וקאמר מ"ט דרבי שמעון דקסבר כל טומאה שנתערב בה ממין אחר בטלה אמר רב פפא היינו נמי טעמייהו דרבי יהודה ורבי יוסי אחיכו עליה מ"ש פשיטא אמר רב פפא אפילו כי האי מלתא לימא איניש ולא נשתוק קמי רביה משום שנאמר (משלי ל) אם נבלת בהתנשא

טיפין של זבוב. עיני הזבוב: ופיו מתוח כחוט השערה. סדק קטן ונראה כאילו חוט השערה מתוח שם: גויתו. גיד אבר הזכר: כשעורה. שהיא סדוקה לארכה: ותתוך ידים ורגלים. עדיין אין נראין כדאמרינן תחלת בריאתו מראשו: כחלב. זהו שכבת זרע שהוא ניתוך וקלוש מתחלה מבעת יציאתו כחלב ואח"כ נעשה קפוי:

מ"ט דר"ש. הכי דנקוט מ"מ כל גופו של מת כאן הוה וה"ל כרקב וכגלל בשר המת שנמוח ונעשה ליחה סרוחה: ממין אחר. אפי' ממין טומאה אם אינה שוה לה בטלה: אחיכו עליה. א"ל פשיטא מ"ש טעמייהו מטעמיה כולהו חדא מלתא אמרי: אפי' כי האי מלתא. דאייתי לידי תוכחה: לימא איניש. דילמא מתוך דבריו אמר ליה טעמא: ולא לשתוק. ולימא מסברנא ליה: אם נבלת עצמך על

יקֶערונְט אֵיין אויג פון דֶעם אַנְדֶערִין אויג זֶענֶען ווייט. אונ דִיא צְווֵיי נָאז לֶעכֶער פון דֶעם קִינְד זֶענֶען גְרויס ווִי דִי צְווֵיי אויגְעי לֶעכֶער פון דֶעם פְלִיג. רַבִּי חִיָּא הָאט גִיקֶערוּנְט דִיא נָאז לֶעכֶער זֶענֶען נָאנְט אֵייגֶער נֶעבִּין דֶעם אַנְדֶערִין. אונ דִי מויל זַיינֶע אִיז אַזוֹי דִין אַז עֶס זֶעהט אוֹיס ווִיא אַהָאר וָואלְט גִילֶעגִין אויף דֶעם אָרְט. אונ דִיא מִילָה זַיינֶע אִיז גְרויס ווִיא אַלִינְזְ. אונ אויבּ דָאס קִינְד אִיז אַנְקֵבָה אִיז דֶער שְׁפַּאלְט אַזוֹי גְרויס ווִיא דֶער שְׁפַּאלְט פון אַגֶערְשְׁטִין וָואס עֶר אִיז צוּ שְׁפָּאלְטֶען אִין דֶער לֵיינְג. אונ הֶענְט מִיט פִיס זֶעהט מֶען נָאךְ נִיט בַּיי אִים. אונ אויף דֶעם הָאט אִיוֹב גְזָאגְט דוּ הָאסְט מִיךְ גִיטָאהן גִיסֶען אַזוֹי ווִיא מִילְךְ (דָאס אִיז דִיא שִׁכְבַת זֶרַע). דֶער נָאךְ אִיז דִיא זֶרַע גֶעדִיכְט גִיוָוארֶען אַזוֹי ווִיא קֶעז. דֶער נָאךְ הָאסְטוּ מִיךְ בַּקְלֵיידְט מִיט פְלֵייש אונ' הויט. דֶער נָאךְ הָאסְטוּ מִיךְ בַּדֶעקְט מִיט בֵּיינֶער אונ אָדֶערִין: דֶער נָאךְ הָאסְטוּ מִיךְ גִימַאכְט לֶעבֶּעדִיג אונ הָאסְט גִיטָאהן מִיט מִיר חֶסֶד:

ה תָּנוּ רַבָּנָן. דִיא רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערוּנְט אַז אַשְׁלְיָא אִיז דָא אִין אַשְׁטוּבּ אִיז דִי שְׁטוּבּ טָמֵא. נִישְׁט ווַייל דִי שִׁלְיָא אִיז אַקִינְד. נָאר עֶס אִיז נִיטָא אַשִׁלְיָא וָואס אִין אִיר אִיז נִיטָא אַקִינְד (דִי שִׁלְיָא אִיז ווִי אַבַּייטֶעל וָוס אִין אִיר לִיגְט דָם קִינְד אִין דֶער מוּטֶערְס בּויךְ. אונ וֶוען דָם קִינְד דַארְף גִיבָּארֶען ווֶערִין גֵייט עֶר ארוֹיס פון דֶער בַּייטֶעל אונ פון דֶער מוּטֶערְס בּויךְ. דֶער נָאךְ גֵייט אַרוֹיס דָאס בַּייטֶעל. אונ אַז דָאס קִינְד אִיז טוֹיט אִין דֶער מוּטֶערְס בּויךְ. בְּלַייבְּט עֶר לִיגֶען אִין דֶער בַּייטֶעל. אונ דִי בַּייטֶעל מִיט דֶעם קִינְד גֵייעֶן אַרוֹיס צוּ זַאמֶען. אונ אַמָאהל ווֶערְט דָאס קִינְד צוּ קְוֶועטְשְׁט אִין דֶעם בַּייטֶעל). אַזוֹי זָאגְט רַבִּי מֵאִיר. רַבִּי יְהוּדָה אונ רַבִּי יוֹסִי אונ רַבִּי שִׁמְעוֹן זָאגֶען דִיא שְׁטוּבּ אִיז טָהוֹר: רַב פַּפָּא אִיז גִיזֶעסֶען אִינְטֶער רַב בִּיבִי אונ רַב בִּיבִי אִיז גִיזֶעסֶען פַאר רַב הַמְנוּנָא אונ רַב הַמְנוּנָא אִיז גִיזֶעסֶען אונ הָאט גְזָאגְט פַאר וָוס הַאלְט רַבִּי שִׁמְעוֹן אַז דִי שְׁטוּבּ אִיז טָהוֹר. ווָארוּם רַבִּי שִׁמְעוֹן הַאלְט יֶעדֶער טוּמְאָה וָואס אִין אִיר אִיז אַרַיין גֶעמִישְׁט אַיין אַנְדֶער זַאךְ. ווֶערְט דִיא טוּמְאָה בָּטֵל. אונ אִיז נִישְׁט מְטַמֵא. אונ אַז מֶען גֶעפִינְט נִיט דָאס קִינְד אִין דֶעם בַּייטוּל. אִיז עֶר גֶעווִיס צוּ קְוֶועטְשְׁט גִיוָוארִין אִין דֶעם בַּייטֶעל. אונ ווַייל אִין דֶעם בַּייטֶעל אִיז דָא נָאךְ אַנְדֶערֶע זַאכֶען דְרִיבֶּער וֶוערְט דִי טוּמְאָה פון דֶעם קִינְד בָּטֵל. אונ אִיז נִישְׁט מְטַמֵא. הָט רַב פַּפָּא גְזָאגְט דָס אִיז טַאקִי דֶער טַעַם פון רַבִּי יְהוּדָה אונ פון רַבִּי יוֹסִי. הָאבֶּען רַב הַמְנוּנָא אונ רַב בִּיבִי גִילַאכְט פון רַב פַּפָּא. דַארְף מֶען דָאס זָאגֶען אַז דֶער טַעַם פון רַבִּי יְהוּדָה אונ רַבִּי יוֹסִי אִיז דֶער זֶעלְבִּיגֶער ווִי פון רַבִּי שִׁמְעוֹן. גֶעווִיס אִיז אַזוֹי. רַבִּי יְהוּדָה אונ רַבִּי יוֹסִי אונ רַבִּי שִׁמְעוֹן זָאגֶען דָאךְ אַלֶע דְרַייא

פירוש

ד"ה סוף להתנשא: ואם זמות. ושחקת כוכן לשום יד על הפה שלא תדע להשיב את השואלין: פנקס: לוחין שכותבין בהם הגלחין: אציליו. אישול"ש: נפתח הסתום. פיו: ונסתם הפתוח. טבורו: שלא יהרוג את אמו. שבית הרחם אינו רחב לגדולה

בהתנשא ואם זמות יד לפה:

(דף ל ע"ב) **דרש** רבי שמלאי למה הולד דומה במעי אמו לפנקס שמקופל ומונח ידיו על שתי צדעיו ושתי אציליו על שתי ארכבותיו ושתי עקביו על שתי עגבותיו וראשו על ברכיו ופיו סתום וטבורו פתוח ואוכל ממה שאמו אוכלת ושותה ממה שאמו שותה ואינו מוציא רעי שמא יהרוג את אמו וכיון שיצא לאויר העולם נפתח הסתום ונסתם הפתוח שאלמלא כן אינו יכול לחיות אפילו שעה אחת ונר דלוק על ראשו וצופה ומביט מסוף העולם ועד סופו שנאמר (איוב כט) בהלו נרו עלי ראשי לאורו אלך חשך ואל תתמה שהרי אדם ישן כאן ורואה חלום באספמיא ואין לך ימים שאדם שרוי בטובה יותר מאותן הימים שנאמר (שם) מי יתנני כירחי קדם כימי אלוה ישמרני ואיזהו ימים שיש בהם ירחים ואין בהם שנים הוי אומר אלו ירחי לידה ומלמדים אותו כל התורה כולה שנאמר (משלי יד) ויורני ויאמר לי יתמך דברי לבך שמור מצותי וחיה

איין דין. האט רב פפא גזאגט אפילו אזוי צזאך זאל אויך אמענטש זאגען פאר זיין רבי אונ ער זאל ניט שווייגען. ווייל עס שטייט אין פסוק אם נבלת בהתנשא [אויב דו האסט דיך פאר מיאוסט פון וועגין די תורה. וועט זיין דיין סוף אז דוא וועסט דער הויבען ווערין] ואם זמות [אונן אויב דו האסט געשוויגען פון דער תורה] יד לפה [וועט זיין דער סוף אז איינער וועט דיך עפעס פרעגין וועסטו פאר מאכען מיט דיין האנט דאס מויל. ווייל דוא וועסט ניט וויסען צו ענפערין]:

דרש. רבי שמלאי האט גידרשת דס קינד ווען ער איז אין דער מוטערס בויך ליגט ער איין גיבויגען איין העלפט אויף די אנדערע העלפט אזוי וויא אבוך וואס איז פאר מאכט ליגט דאך איין העלפט בוך אויף די אנדערע העלפט זיינע הענט האלט ער אויף זיינע צוויי שלייפען אונ זיינע צוויי עלינבויגינס האלט ער אויף זיינע צוויי פיס וואס איבער דיא קניה [נאנט צום בויך]: אונ זיינע צוויי פאדעשוועס פון די פיס האלט ער ארונטער גיבויגען אונ זייא זענען אן גילעגט אויף די גראבע פלייש פון די פיס ווס איבער די קניה פון אינטען. אונ זיין קאפ ליגט אויף זיינע קניה: זיין מויל איז פאר מאכט. אונ זיין נאפיל איז האפען. אונ ער עסט פון וואס די מוטער עסט. אונ ער טרינקט פון ווס די מוטער טרינקט. אונ פון אים גייט ניט ארויס קיין צואה אונ ניט קיין השתנה. ווארום דיא צואה אונ די השתנה וואלט דאך געבליבען ביי די מוטער אין בויך. וואלט די מוטער גישטארבען. אונ וויא דס קינד גייט נאר ארויס אויף דער וועלט ווערט גיעפינט דס פר מאכטע מויל. אונ עס ווערט פר מאכט דער נאפיל וואס ער איז גיווען האפען. ווארום אז עס וואלט ניט אזוי גיוועזן וואלט דאס קינד ניט גיקענט לעבין אפילו איין שעה. אונ ווען דס קינד איז אין דער מוטערס בויך ברענט אליכט איבער זיין קאפ. אונ ער זעהט פון איין עק וועלט ביז צום אנדערין עק וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ווען עס האט גילויכטען זיין ליכט אויף מיין קאפ. אונ ווען איך בין גיוועז אין דער פינסטערניש בין איך גיגאנגען ביי זיין ליכטיגקייט. אונ דו זאלסט דיך ניט וואונדערין וויא אזוי דס קינד קען זעהן פון איין עק וועלט ביז צום אנדערין עק וועלט. ווארום אמענטש שלאפט דא אונ ער זעהט אין חלום די שטאט אספמיא. אונ עס איז ניטא קיין טעג וואס דער מענטש זאל האבען בעסער ווי ער האט גיהאט אין די טעג ווס ער איז גיווען אין דער מוטערס בויך. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איוב האט גזאגט ווער וואלט מיר געבין ווי די פריערדיגע חדשים. וויא דיא טעג ווס גאט האט מיך געהיט. וועלכע צייט איז דאס ווס עס איז נאר גיוועזן חדשים אונ ניט קיין יאהרען. דס זענען די ניין חדשים ווס ער איז גיוועזן אין דער מוטערס בויך. אונ ווען דאס קינד איז אין דער מוטערס בויך לערנט מען מיט איהם דיא גאנצע תורה. אזוי וויא

וחיה ואומר (איוב כט) בסוד אלוה עלי אהלי . מאי ואומר וכ׳ תימא נביא הוא דקאמר ת"ש בסוד אלוה עלי אהלי וכיון שבא לאויר העולם בא מלאך וסטרו על פיו ומשכחו כל התורה כולה שנאמר (בראשית ד) לפתח חטאת רובץ ואינו יוצא משם עד שמשביעין אותו שנאמר (ישעיה מה) כי לי תכרע כל ברך תשבע כל לשון כי לי תכרע כל ברך זה יום המיתה שנאמר (תהלים כב) לפניו יכרעו כל יורדי עפר · תשבע כל לשון זה יום הלידה שנאמר (־ס כד) נקי כפים ובר לבב אשר לא נשא לשוא נפשי ולא נשבע למרמה . ומה היא השבועה שמשביעים אותו תהי צדיק ואל תהי רשע ואפילו כל העולם כולו אומרים לך צדיק אתה היה בעיניך כרשע והוי יודע שהקדוש ב"ה טהור ומשרתיו טהורים ונשמה שנתן בך טהורה היא אם אתה משמרה בטהרה מוטב ואם לאו הריני נוטלה ממך . תנא דבי רבי ישמעאל משל לכהן שמסר תרומה לעם הארץ ואמר לו

רעי הנאסף כו׳ : ת"ש בסוד אלוה עלי אהלי . ואה אוקמינן בירחי לידה מדכתיב כירחי קדם : ולא נשבע למרמה . שקיים שבועתו לשמור את התורה דאי בשבועה בעלמא אמאי משום דלא נשבע למרמה חשיב

עס שטייט אין פסוק שלמה המלך הט גזאגט ער הט מיך גילערונט אונ ער האט גזאגט צו מיר מיינע רייד זאלען אונטער לעגען דיין הארץ. היט מיינע גיבאט וועסטו לעבין. אונ איוב האט גזאגט ווען די סודות פון גאט זענען גיוועזן אויף מיין גיצעלט ׃ צוא וואס ברייגט מען דעם אנדערין פסוק פון איוב טאמער וועסטו זאגען דער נביא הט גזאגט (שלמה המלך האט גזאגט מיט רוח הקודש) אז גאט הט איהם גילערונט. אבער ווען ער איז שוין גיוועזן אויף דער וועלט. דריבער ברייגט מען דעם פסוק וואס איוב האט גזאגט. ווען דיא סודות פון גאט זענען גיוועזן אויף מיין גיצעלט. אונ איוב שמועסט אין די פסוקים פון דער צייט וואס ער איז גיוועזן אין דער מוטערס בויך. אונ ווי דאס קינד קומט אויף דער וועלט קומט אמלאך אונ גיט איהם אקלאפ אויף זיין מויל פר געסט ער באלד דיא גאנצע תורה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק לפתח חטאת רובץ. צו דיא טיר ליגט דם זינד. ווי עס עפענט זיך די טיר פון דער מוטערס בויך דאס קינד זאל ארויס גיין. איז שוין דא דיא זינד. פר געסט ער שוין די תורה. אונ ער גייט ניט ארויס פון מוטערס בויך ביז מען בשווערט איהם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק צו מיר וועלען קניהען אלע קניה אונ עס וועלען שווערין אלע צינגער. צו מיר וועלען קניהען אלע קניה דס איז אין דעם טאג ווען מען שטארבט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פאר איהם וועלען קניהען אלע ווס גיהערין אין דער ערד. אונ עס וועלען שווערין אלע צינגער דאס איז אין דעם טאג וואס מען ווערט גיבארין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ריינע הענט אונ אקלארע הארץ וואס ער האט ניט גיטראגען זיין נשמה צו פאלש. אונ ער הט ניט גישווארין פאלש. ער האט מקיים גיוועזן זיין שבועה וואס ער האט גישווארין איידער ער איז גיבארען גיווארין. וואס איז דיא שבועה וואס מען בשווערט איהם. דוא זאלסט זיין אצדיק אונ זאלסט ניט זיין ארשע. אונ אפילו די גאנצע וועלט וועלין זאגען אויף דיר אז דוא ביסט אצדיק זאלסטו דיך האלטען פאר ארשע ׃ אונ דו זאלסט וויסען אז גאט איז ריין ׃ אונ זיינע דינערס זענען ריין. אונ די נשמה ווס גאט האט אין דיר גיגעבען איז ריין. אויב דוא וועסט היטען דיין נשמה זיא זאל בלייבען ריין איז גוט. אונ אויב ניט וועל איך זיא פון דיר צו נעמען. דבי רבי ישמעאל הט גילערונט אמשל צו דער זאך. אכהן האט אמאהל גיגעבען תרומה צו אעם הארץ. הט דער כהן גזאגט צו דעם עם הארץ אויב דו וועסט היטען דיא תרומה זאל זיין ריין איז גוט. אונ אויב ניט וועל איך נעמען די תרומה אונ וועל זיא פאר ברענגען פאר דיינע אויגען. רבי אלעזר הט גזאגט פון דעם פסוק וויסען מיר אז מען בשווערט דעם קינד איידער ער ווערט גיבארן. עס שטייט אין פסוק ממעי אמי אתה גוזי. פון מיין מוטערס בויך ביסטו מיין בשווערער. פון וואנען וויסען מיר אז גוזי איז דער טייטש שווערין. ווארום עס שטייט אין פסוק גזוי נזרך והשליכי. דער נביא זאגט צו דיא יודען זייט מקיים דיא שבועה וואס איר הט גישווארין איידער איר זענט

אשיב נכון כעולין מכל כ׳: מאי קרא. דמשביעים אותו ביום הנידה: גזרך. לשון נזירות דהיינו נדר דדמי לשבועה:
חבלי. לערה: רוקמתי. היינו יצירה ראשונה וכתיב בתחתיות דהיינו מדור תחתון: דרך תשמישו. האיש פניו למטה כן זכר כולד פניו למטה נקבה פניה למעלה הלכך נקבה צריכה להתהפך דהא כשהיא במעי אמה פניה למטה כדאמרינן לעיל ראשו בין ברכיו אבל זכר אין צריך להתהפך: קשה לאשה וקשה לולד. מפני שדר במדור התחתון.

לו אם אתה משמרה בטהרה מוטב ואם לאו הריני שורפה לפניך אמר ר א (דף לא) מאי קראה (תהלים עא) ממעי אמי אתה גוזי מאי משמע דהאי גוזי לישנא דאשתבועי הוא דכתיב (ירמיה ז) גזי נזרך והשליכי. וא״ר אלעזר למה הולד דומה במעי אמו לאגוז מונח בספל של מים אדם נותן אצבעו עליו שוקע לכאן ולכאן: ז ת״ר שלשה חדשים הראשונים ולד דר במדור התחתון אמצעיים ולד דר במדור האמצעי אחרונים ולד דר במדור העליון וכיון שהגיע זמנו לצאת מתהפך ויוצא וזהו חבלי אשה והיינו דתנן חבלי של נקבה מרובין משל זכר. אמר רבי אלעזר מאי קראה (תהלים קלט) אשר עשיתי בסתר רקמתי בתחתיות ארץ דרתי לא נאמר אלא רקמתי מאי שנא דחבלי נקבה מרובין משל זכר זה בא כדרך תשמישו וזה בא כדרך תשמישו זו הופכת פניה וזה אין הופך פניו. תנו רבנן שלשה חדשים הראשונים תשמיש קשה לאשה וגם קשה לולד

געבארן געווארן און ווארפט אוועק אייערע עבירות. נאך האט רבי אלעזר געזאגט דאס קינד וואס ליגט ביי די מוטער אין בויך איז גלייך צו אנוס וואס ליגט אין אבעקן מיט וואסער. אז אמענטש לייגט ארויף זיין פינגער אויף דעם נוס גייט דער נוס אראפ אין וואסער און ער קריכט באלד צוריק ארויס פון אונטער דעם וואסער פון דער זייט פינגער אדער פון דער זייט פינגער. אזוי אז די מוטער לייגט ארויף איר האנט אויף דעם קינד וואס אין בויך אנטלויפט דס קינד אין דער זייט אדער אין דער זייט:

ז תנו רבנן. די רבנן האבען געלערנט די ערשטע דריי חדשים וויא די מוטער ווערט מעוברת וואוהנט דס קינד אין דעם אונטערשטין וואוהנונג. די אנדערע דריי חדשים וואוהנט דס קינד אין דעם מיטעלסטין וואוהנונג. די לעצטע דריי חדשים וואוהנט דאס קינד אין דעם אובערשטין וואוהנונג. און וויא עס קומט דיא צייט ער זאל ארויס גיין פון דיא מוטערס בויך קערט ער זיך אום מיט דעם קאפ אראפ און ער גייט ארויס. און דס זענען די שמערצין וואס די אשה הט. און דס איז וואס מיר האבען געלערנט די שמערצין וואס דיא אשה האט ווען זיא געבארט אנקבה. זענען גרעסער וויא די שמערצין וואס זיא הט ווען זי געבארט אזכר [ווי ווייטער שטייט]. און רבי אלעזר הט געזאגט דס ווייסען מיר פון דעם פסוק אשר עשיתי בסתר [איך בין געמאכט געווארן אין אפארבארגענעם ארט] רקמתי בתחתיות ארץ. עס שטייט ניט דרתי [איך האב געוואוהנט]. נאר עס שטייט רקמתי [איך בין געוועבט בשאפען געווארן] אונטען נאנט פון דער ערד. אין דעם אונטערשטען וואוהנונג. זעהן מיר אז באלד וויא דס קינד ווערט בשאפען וואוהנט ער גאר אונטען אין דיא מוטערס בויך. פרעגט די גמרא פר וואס די שמערצין וואס די אשה הט ווען זיא געבארט אנקבה. זענען גרעסער וויא די שמערצין וואס זיא האט ווען זיא געבארט אזכר. ענפערט די גמרא דס קינד וואס איז אזכר ליגט אין דער מוטערס בויך מיט דעם פנים אראפ אזוי וויא דער פאטער איז געלעגען מיט דעם פנים אראפ ווען ער האט משמש המטה געוועזען. און דאס קינד וואס איז אנקבה ליגט אין דער מוטערס בויך מיט דעם פנים ארויף אזוי וויא די מוטער איז געלעגין מיט דעם פנים ארויף ווען זיא האט משמש המטה געוועזען. און ווען דס קינד ווערט געבארען מוז ער ארויס גיין פון די מוטערס בויך מיט דעם פנים אראפ. אויב דאס קינד איז אנקבה מוז זיא זיך אום דרייען מיט דעם פנים אראפ איידער זיא ווערט געבארען. און אויב דאס קינד איז אזכר דארף ער זיך ניט אום דרייען. דריבער ווען דיא אשה געבארט אנקבה האט זיא גרעסערע שמערצין ווי ווען זיא געבארט אזכר. דיא רבנן האבען געלערנט די ערשטע דריי חדשים וויא די אשה איז מעוברת געווארן. איז ניט

לולד אמצעיים קשה לאשה ויפה לולד אחרונים יפה לאשה ויפה לולד שמתוך כך יצא הולד מלובן ומזורז. תנא המשמש מטתו ליום תשעים כאלו שופך דמים מנא ידע אלא אמר אביי משמש והולך (תהלים קטז) ושומר פתאים ה'. תנו רבנן שלשה שותפין יש באדם הקב"ה ואביו ואמו אביו מזריע לובן שממנו מוח שבראשו וגידין וצפרנים ועצמות ולובן שבעין אמו מזרעת אודם שממנו עור ובשר ושערות ושחור שבעין והקב"ה נותן בו רוח ונשמה וקלסתר פנים וראית העין ושמיעת האוזן ודבור פה והלוך רגלים ודעה ובינה והשכל וכיון שהגיע זמנו להפטר מן העולם הקב"ה נוטל חלקו וחלק אביו ואמו מניח לפניהם אמר רב פפא היינו דאמרי אינשי פוץ מלחא ושדי בשרא לכלבא:

הדרש רב חיננא בר פפא מאי דכתיב (איוב ט) עושה גדולות ואין חקר נפלאות עד אין מכפר בוא וראה שלא כמדת הקב"ה מדת בשר ודם בשר ודם נותן חפץ בחמת צרורה

קשה לאשה לא ידענא למאי: זרע. מלבן את הולד מניעולו: מזורז. חזק ובריא: יום תשעים. לג' ימים של עיבורה: מנא ידע. אם לא ידע אימת מיעברא: קלסתר. זיו: מראה העין. שאף ע"ג שנבראת העין מן אב ואם אינו רואה הדבר שהרי כמת יש לו עינים ויש לו שפתים ויש לו אזנים ואינו רואה ואינו שומע ולא מדבר: פוץ מלחא. השלך המלח מן הבשר ושוב אינו ראוי אלא לכלבים כך הנשמה היא מלח לגוף לקיימו כיון שהלכה אז מסריח הגוף:

גוט פאר די אשה און עס איז ניט גוט פאר דעם קינד דער מאן זאל איר בועל זיין. דיא מיטעלסטע דריי חדשים איז ניט גוט פר די אשה דער מאן זאל איר בועל זיין. אבער פר דעם קינד איז דס יא גוט. די לעצטע דריי חדשים איז גוט פר די אשה און עס איז גוט פאר דעם קינד דער מאן זאל איר בועל זיין. ווארום דאס קינד ועט געבארען ווערין קלאר און ריין און שטארק:

מיר האבען געלערנט דער וואס איז משמש המטה דעם ניינציגסטען טאג וויא דיא אשה איז מעוברת געווארען. איז גלייך וויא ער וואלט געהרגעט א מענטשין. ווארום דאס קינד קען שטארבען אין דער מוטערס בויך פון דעם בועל זיין. פרעגט די גמרא פון וואנען ווייס דער מאן ווען דער ניינציגסטער טאג איז. האט אביי געזאגט דריבער ווייל ער ווייס ניט מעג ער בועל זיין אלע נאכט און גאט וועט שוין היטען דיא נארען וואס ווייסען ניט: דיא קינדער זאלען בלייבען לעבין:

די רבנן האבען געלערנט דריי שותפים זענען דא אין דעם מענטש. גאט און דער פאטער און די מוטער. פון דעם פאטער גייט ארויס ווייסע זרע. פון די זרע ווערט דער מארך וואס אין קאפ און די אדערין און די נעגיל און די ביינער און דס ווייסעל פון די אויגען. פון די מוטער גייט ארויס רויטע זרע. פון די זרע ווערט די הויט און די פלייש און די האר און דס שווארציל פון די אויגען. און גאט גיט אין דעם מענטש אטעם און אנשמה און דאס שיינקייט פון דעם פנים און דער אויג זאל קענען זעהן: און דער אויער זאל קענען הערין. און דיא מויל זאל קענען ריידען. און די פיס זאלען קענען גיין. און ווי סענשאפט. און פאר שטאנד. און שכל. וויא עס קומט די צייט דער מענטש זאל אוועק גיין פון דער וועלט. נעמט גאט זיין חלק וואס ער האט געגעבען און דעם חלק פון דעם פאטער און פון דיא מוטער לאזט גאט ליגען פר זיי. רב פפא זאגט דס איז וואס מענטשין זאגען אז דו וועסט אראפ ווארפען זאלץ פון די פלייש. מענסטו די פלייש ארויס ווארפען פר די הינט. ווארום זי וועט פר שטונקען ווערין. די נשמה צו דעם גוף איז אזוי וויא זאלץ צו פלייש. אז די נשמה גייט ארויס פון דעם גוף ווערט דער גוף פאר שטונקען:

הדרש. רב חנינא בר פפא האט גידרשת עס שטייט אין פסוק גאט טוהט גרויסע זאכען וואס מען קען זיי גאר נישט נאך פארשטין. און ער טוהט וואונדער ביז אן אצאהל. קום און זעה אז די מדות פון אמענטשין זענען ניט ווי די מדות פון גאט. דיא מדות פון אמענטשין איז אז ער לייגט אריין אזאך אין אבייטעל וואס זיא איז פאר בונדען און דיא מויל איז ארויף. פון

צרורה ופיה למעלה ספק משתמר ספק אין משתמר ואלו הקדוש ברוך הוא צר העובר במעי אשה פתוחה ופיה למטה ומשתמר. ד"א אדם נותן חפציו בכף מאזנים כל זמן שמכביד יורד למטה ואלו הקב"ה כ"ז שמכביד הולד עולה למעלה. דרש רבי יוסי הגלילי מאי דכתיב (תהלים קלט) אודך על כי נוראות נפליתי נפלאים מעשיך ונפשי יודעת מאד בוא וראה שלא כמדת הקב"ה מדת בשר ודם מדת בשר ודם אדם נותן זרעונים בערוגה כל אחד ואחד עולה במינו ואלו הקב"ה צר העובר במעי אשה וכולן עולין למין אחד. דבר אחר צבע נותן סמנים ליורה כולן עולין לצבע אחד ואלו הקב"ה צר העובר במעי אשה כל אחד ואחד עולה למינו. דרש רב יוסף מאי דכתיב (ישעיה יב) אודך ה' כי אנפת בי ישוב אפך ותנחמני במה הכתוב מדבר בשני בני אדם שיצאו לסחורה ישב לו קוץ ברגלו לאחד מהם התחיל מחרף ומגדף לימים שמע שטבעה ספינתו של חברו בים התחיל מודה

עולה למעלה. כדהויא לעיל אחרונים דר במדור העליון: כולן עולין למין אחד. זרע האב והאם נעשים בריה אחת: לצבע. כמה סממנין לריך ולצבע שחור קליפה עץ וטחינת רת"ים של נפחים וכמה דברים כולן נעשים שחור ואינו יכול לצובעו ביורה אחת מב' וג' גוונים בב' וג' מקומות: וכל אחד ואחד עולה למינו. לובן מן האיש ושחור כ"ן האשה: כי אנפת בי. מפני שכעסת עלי אני מודה לך בלטובתי היא: ישב לו קוץ ברגלו. לאחד

דעסטוועגין איז אספק אויב די זאך וועט זיין געהיט אין דר בייטעל אדער זיא וועט ניט זיין געהיט. אונ גאט הט בשאפען דעם קינד אין דעם בויך פון דיא מוטער אונ די מויל איז אונטען אונ האפען אונ ער ווערט געהיט. פאלט ניט ארויס. אנדערע זאגען אזוי האט רבי חנינא גידרשת. אז אמענטש לייגט אריין אזאך אין אוואג שאל וואס שווערער די זאך איז נידעריגער גייט אראפ דיא וואג שאל. אבער ביי גאט איז ניט אזוי. וואס שווערער דס קינד ווערט גייט ער ארויף העכער:

רבי יוסי הגלילי האט גידרשת עס שטייט אין פסוק איך טוה דיך לויבען וייל מיין בשאפונג איז גיוועזן מיט וואונדערליכע אונ פארכטיגע ווערק. דייגע ווערקין זענען וואנדערליך. ווען אויך מיין שכל ווייס פיל קליינע זאכען אבער דיינע וואונדערליכע ווערק ווייס איך ניט; קום אונ זעה אז דיא מדות פון אמענטשין זענען ניט וויא די מדות פון גאט. דיא מדות פון אמענטשין איז אז אמענטש לייגט אריין קערנער אין אבייט נאין אזאגאך. פון יעדר קערעגדיל וואקסט ארויס זיין מין (פון אקערענדיל וייץ וואקסט ארויס וייץ. אונ פון אקערענדיל גערשטין וואקסט ארויס גערשטין אונ אזוי אלע מינים). אונ גאט בשאפט דאס קינד אין דער מוטערס בויך פון די זרע פין פאטער אונ פון דיא זרע פון די מוטער. אונ עס ווערט ניט פון דעם זכרם זרע אזכר. אונ פון דיא נקבהס זרע אנקבה נאר פון ביידע ערליי זרע ווערט איין קינד. אנדערע זאגען אזוי הט רבי יוסי גידרשת. אז אפארבער לייגט אריין פארב אין אקעסיל. ווערט פון אלע פארבען איין פארב. אונ עס קען ניט זיין צוויי ערליי פארבען אין איין קעסיל. אבער גאט הט בשאפען דס קינד אין דער מוטערס בויך פון צוויי ערליי פארבען פון די זרע פון פאטער וואס עס איז וייס אונ פון דיא זרע פון די מוטער וואס עס איז רויט אונ די צוויי ערליי פארבען האבען זיך ניט אויס געמישט נאר דאס קינד האט אויך עטליכע ערליי קאלארין. פון דיא וייסע זרע בזונדער אונ פון די רויטע זרע בזונדער.

רב יוסף הט גידרשת עס שטייט אין פסוק איך לויב דיך גאט פר וואס דוא האסט גיצערינט אייף מיר עס וועט געשטילט ווערין דיין צארען וועסטו מיך טרייסטען. פון וואס שמועסט דער פסוק פאר ווס זאל מען לויבען גאט אויף זיין כעס. נאר צוויי מענטשין זענען אמאהל גיגאנגען צו אשיף זיי זאלען פארען האנדלען. אין וועג הט זיך אריין גישטאכען אשטיק האלץ ביא איינעם פון זיי אין פוס. איז זיין חבר אוועק גיפארען מיט די שיף. אונ דער איינער איז געבליבען זיצען אין דער היים. הט ער אן גיהויבען צו לעסטערין גאט. פאר דעם אומגליק וואס איהם הט גיטראפען. אין עטליכע טעג שפעטער הט ער גיהערט אז די שיף וואס זיין חבר איז אין איר גיפארען איז ויא דער טרונקען גיווארען אין ים. האט ער אן גיהויבען לויבען

מודה ומשבח לכך נאמר ישוב אפך ותנחמני . והיינו דא"ר אלעזר מאי דכתיב (תהלים עב) עושה נפלאות לבדו וברוך שם כבודו לעולם אפילו בעל הנס אינו מכיר בנסו . דרש רבי חנינא בר פפא מ"ד (שם קלט) ארחי ורבעי זרית וכל דרכי הסכנתה מלמד שלא נוצר אדם מן כל ו טפה אלא מן הברור שבה . תנא דבי רבי ישמעאל משל לאדם שזורה בבית הגרנות נוטל את האוכל ומניח את הפסולת כדרבי אבהו דרבי אבהו רמי כתיב (ש"ב כב) ותזרני חיל וכתיב (תהלים יח) האל המאזרני חיל אמר דוד לפני הקדוש ברוך הוא רבש"ע זר תני וזרזתני :

מהם . ולא יכול לאלת: לבדו . שלא לבדו יודע אותו כי אבל בעל הנס אינו מכירו : ארחי . תשמיש כמו דרך גבר בעלמה : ורבעי . תשמיש לשון לרבעה : זרית . בירכת בנפה שקורין וו"ן כמו ברחת וכמזרה: הברור . קלי"ל בלע"ז : והזרני . חסר אל"ף (לשון נזירה : זריתני . ואח"כ תאזרני) [זריתני לשון מזרה זריתני מן הברור ואח"כ זרזתני ותאזרני גי' רש"ל] לשון חגירת כח במתנים : (זריתני . מן הברור) :

רביעיותיהן

ט דרש רבי אבהו מאי דכתיב (במדבר כג) מי מנה עפר יעקב ומספר את רבע ישראל מלמד שהקב"ה יושב וסופר את רביעיותיהם של ישראל מתי תבא טפה שהצדיק נוצר הימנה ועל דבר זה נסמית עינו של בלעם אמר מי שהוא טהור וקדוש ומשרתיו טהורים וקדושים יציץ בדבר זה מיד נסמית עינו דכתיב (שם כד) ונאום הגבר שתום העין והיינו דאמר רבי יוחנן מאי דכתיב (בראשית ל) וישכב עמה בלילה הוא מלמד

גאט אויף דעם שטיק האלץ וואס איז אריין גישטאכען גיווארען אין זיין פוס אונ ער איז געבליבען זיצען אין דער היים אונ איז ניט דער טרונקען גיווארען . דריבער שטייט אין פסוק אז דיין בעס וועט געשטילט ווערין וועסטו מיך טרייסטען . דס איז וואס רבי אלעזר הט גזאגט עס שטייט אין פסוק גאט טוהט וואונדער אליין . קיינער וייס ניט פון דעם וואונדער וואס גאט האט גיטאהן נאר גאט אליין . אפילו דער מענטש וואס צו איהם איז דער נס גיטאהן גיווארען . וייס ער אויך ניט פון דעם נס :

רבי חנינא בר פפא הט גידרשת עס שטייט אין פסוק ארחי ורבעי זרית וכל דרכי הסכנתה . דער פסוק דער ציילט אונז אז דאס קינד ווערט ניט בשאפען פון דעם גאנצען טראפען זרע . נאר פון דם בעסטע פון דעם טראפען . דבי רבי ישמעאל האט גילערונט דאס איז גלייך צוא אמענטש וואס שופלעוועט תבואה אין שייער . נעמט ער די קערנער וואס צום עסין אונ די פלעוועס לאזט ער אין שייער . אונ דאס איז אזוי וויא רבי אבהו . ווארום רבי אבהו האט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט ותזרני חיל . אונ אין אנדערין פסוק שטייט האל המאזרני חיל . ותזרני איז דער טייטש אויס געקליבען . ותאזרני איז דער טייטש געשטארקט . נאר דוד הט גזאגט פר גאט רבונו של עולם דו האסט אויס געקליבען דם בעסטע פון מיין פאטערס טראפען זרע אונ האסט מיך בשאפען אונ דריבער האסטו מיך גישטארקט :

ט דרש . רבי אבהו הט גידרשת עס שטייט אין פסוק ווער הט גיציילט די ערד פון יעקב אונ ער הט גיציילט את רובע ישראל (דעם תשמיש פון די יודען) . דער פסוק לערונט אונז אז גאט זיצט אונ ציילט ווער (ווארט אויף) דעם תשמיש פון די יודען . ווען וועט קומען דער טראפען זרע וואס אצדיק וועט פון איהם בשאפען ווערין . אונ דורך דער זאך איז בלינד גיווארען די אויג פון בלעם . בלעם הט גזאגט גאט וואס ער איז ריין אונ הייליג אונ זיינע בעדינערס זענען ריין אונ הייליג זאל ער קוקען אויף אזעלכע זאכען . איז באלד בלינד גיווארען זיין אויג . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דם איז די רייד פון דעם מענטש וואס ער האט אפארמאכט אויג . דם איז וואס רבי יוחנן האט גזאגט עס שטייט אין פסוק וישכב עמה בלילה הוא . יעקב איז גילעגען מיט לאה ביי נאכט . וואס איז דער ווארט הוא . עס האט דאך גידארפט שטיין ההוא . נאר דער ווארט הוא גייט ניט אויף דער נאכט . נאר אויף גאט . דער פסוק דער ציילט אונז אז גאט הט גיהאלפען צו דער זאך אז די נאכט זאל יעקב קומען צו לאה אונ זי זאל מעוברת ווערין מיט יששכר . גאט הט געמאכט אז דער אייזעל פון יעקב זאל קומען צו דעם גיצעלט

מלמד שהקב"ה סייע באותו מעשה שנאמר (שם מט) יששכר חמור גרם לו ליששכר . א"ר יצחק א"ר אמי אשה מזרעת תחלה יולדת זכר איש מזריע תחלה יולדת נקבה שנאמר (ויקרא יב) אשה כי תזריע וילדה זכר . ת"ר בראשונה היו אומרים אשה מזרעת תחלה יולדת זכר איש מזריע תחלה יולדת נקבה ולא פירשו חכמים את הדבר עד שבא רבי צדוק ופירשו (בראשית מו) אלה בני לאה אשר ילדה ליעקב בפדן ארם ואת דינה בתו תלה הזכרים בנקבות ואת הנקבות בזכרים . (דברי הימים א ח) ויהיו בני אולם אנשים גבורי חיל דורכי קשת ומרבים בנים ובני בנים וכי בידו של אדם להרבות בנים ובני בנים אלא מתוך (ע"ב) שמשהין עצמן בבטן כדי שיזריעו נשותיהן תחלה שיהיו בניהם זכרים מעלה עליהם הכתוב כאלו הם מרבים בנים ובני בנים והיינו דאמר רב קטינא יכולני לעשות כל בני זכרים אמר רבא הרוצה לעשות בניו זכרים יבעול וישנה:

אמר

דניפותיהן . עונת תשמישן : הוא . הקב"ה סייע שנטה חמורו של יעקב לאהל לאה ואותו הלילה של האחרות היה : ולא פירשו את הדבר . מנא לן : הזכרים בנקבות . בני לאה נקבות בזכרים . את דינה בתו משום הכי דרשא איש מזריע תחלה יולדת נקבה : שמשהין עצמן . מלהזריע : יכולני . שישהה עצמו מלהזריע : יבעול וישנה . שמתוך האוה . בעילה ראשונה היא מז׳עת ונהי נמי דתזריע אחריו תקדום הזרעתה בבעילה שניה :

פון לֵאָה. אַזוֹי וויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק יִשָּׂשכָר חֲמוֹר גָּרֶם ׃ דֶער אֵייזֶעל הָאט גֶעבְּרֵיינְגְט דֶער צוּ אַז יִשָּׂשכָר זָאל גִיבָּארֶען וֶוערֶען וַוייל יַעֲקב הָאט גִיוָועהָ אַז דֶער אֵייזֶעל וָוס עֶר הָאט אוֹיף אִים גֶערִיטֶען אִיז אַלֵיין גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם גִיצֶעלְט פוּן לֵאָה אוּנ עֶר וויל נִיט אַוֶועק גֵיין פוּן דָאנֶען. הָאט עֶר גֶעוואוּסְט אַז דָא דַארְף עֶר גֶעכְטִיגֶען ׃

רַבִּי יִצְחָק הָאט גְזָאגְט פוּן רַבִּי אַמִי יֶוענִין אַז דִי זֶרַע פוּן דִיא אִשָּׁה גֵייט אַרוֹיס פְרִיֶער גִיבֶּארְט זִי אַזָכָר. אוּנ אַז דִיא זֶרַע פוּן דֶעם מַאן גֵייט אַרוֹיס פְרִיֶער. גִיבֶּארְט זִיא אַנְקֵבָה ׃ אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִשָּׁה כִּי תַזְרִיעַ וְיָלְדָה זָכָר. אַז דִי זֶרַע פוּן דֶער אִשָּׁה וֶועט אַרוֹיס גֵיין פְרִיֶער וֶועט זִי גִיבָּארִין אַזָכָר ׃

דִי רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערוּנְט אִין אָנְהֵייבּ פְלֶעגְט מֶען זָאגִין אַז דִיא זֶרַע פוּן דִיא אִשָּׁה גֵייט אַרוֹיס פְרִיֶער. גִיבֶּארְט זִי אַזָכָר. אוּנ אַז דִי זֶרַע פוּן דֶעם מַאן גֵייט אַרוֹיס פְרִיֶער גִיבֶּארְט זִיא אַנְקֵבָה. אוּנ דִי חֲכָמִים הָאבֶּען נִיט גְזָאגְט פוּן וַואנֶען זֵייא ווֵייסֶען דָאס. בִּיז רַבִּי צָדוֹק אִיז גִיקוּמֶען הָאט עֶר גְזָאגְט פוּן וַואנֶען מֶען ווֵייס דָאס. ווָארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דָאס זֶענֶען דִיא זִיהְן פוּן לֵאָה ווָאס זִיא הָאט גִיבָּארִין צוּ יַעֲקב אִין פַּדַן אֲרָם אוּנ דִינָה זַיין טָאכְטֶער (יַעֲקבס טָאכְטֶער). דִי זְכָרִים רֶעכֶנְט עֶר צוּ דִיא נְקֵבוֹת. דִיא זִיהְן פוּן לֵאָה. אוּנ דִי טָאכְטֶער רֶעכֶנְט עֶר צוּ זְכָרִים. דִיא טָאכְטֶער פוּן יַעֲקב. וַוייל דִיא נְקֵבוֹת בְּרֵיינְגֶען דֶער צוּ אַז דִיא זְכָרִים זָאלֶען גִיבָּארֶען ווֶערִין. אוּנ דִיא מַאנֶען בְּרֵיינְגֶען דֶער צוּא אַז דִיא נְקֵבוֹת זָאלֶען גִיבָּארֶען ווֶערִין ווֶעמֶעס זֶרַע עֶס קוּמְט פְרִיֶער ׃

עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִיא זִיהְן פוּן אוּלָם זֶענֶען גִיוֶוען מֶענְטְשִׁין שְׁטַארְקֶע הֶעלְדִין זֵיי הָאבֶּן גִיטְרֶעטֶען דִיא בּוֹיגִים צוּם שִׁיסֶען אוּנ זֵייא הָאבֶּען גִימֶערְט צוּ הָאבֶּען זִיהְן אוּנ זִיהְנְס זִיהְן. אִיז דֶען אִין דִיא הַאנְט פוּן מֶענְטְשִׁין צוּ הָאבֶּען קִינְדֶער נָאר זִיהְן. אוּנ דִי זִיהְן זָאלְעֶן אוֹיךְ הָאבֶּען נָאר זִיהְן. נָאר וַוייל זֵייא פְלֶעגִין אַיין הַאלְטֶען זֵייעֶרֶע זֶרַע דִי זֶרַע פוּן דִיא ווַייבֶּער זָאל אַרוֹיס גֵיין פְרִיֶער זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלֶען זַיין זְכָרִים. רֶעכֶנְט אוֹיף זֵייא דֶער פָּסוּק גְלַייךְ ווִיא זֵייא ווָאלְטֶען גִימֶערְט זֵייעֶרֶע זִיהְן אוּנ זֵייעֶרֶע זִיהְנְס זִיהְן. דָאס אִיז ווָאס רַב קְטִינָא הָאט גְזָאגְט אִיךְ קֶען מַאכְֿען אַז מַיינֶע אַלֶע קִינְדֶער זָאלֶען זַיין זְכָרִים. וַוייל עֶר וֶועט אוֹיף הַאלְטֶען זַיינֶע זֶרַע אַז דִיא זֶרַע פוּן זַיין ווַייבּ זָאל אַרוֹיס גֵיין פְרִיֶער. רָבָא זָאגְט דֶער ווָאס וִויל מַאכְֿען זַיינֶע קִינְדֶער זָאלֶען זַיין זְכָרִים זָאל עֶר בּוֹעֵל זַיין זַיין ווַייבּ צְווֵיי מָאל אֵיינְס נָאךְ דֶעם אַנְדֶערֶע. ווֶעט זִיךְ שְׁטַארְקֶען אִיר תַּאֲוָה ווֶעט אַרוֹיס גֵיין אִירֶע זֶרַע פְרִיֶער ׃

י אמר רבי יצחק אמר רבי אמי אין אשה מתעברת אלא סמוך לוסתה שנאמר (תהלים נא) הן בעון חוללתי ורבי יוחנן אומר סמוך לטבילה שנאמר (שם) ובחטא יחמתני אמי מאי משמע דהאי חטא לישנא דדכויי הוא דכתיב (ויקרא יד) וחטא את הבית ומתרגמינן וידכי ית ביתא ואבע"א מהכא (תהלים נא) תחטאני באזוב ואטהר. ואמר רבי יצחק אמר רבי אמי כיון שבא זכר בעולם בא שלום בעולם שנא' (ישעיה כז) שלחו כר מושל ארץ זכר זה כר. וא"ר יצחק א"ר אמי בא זכר בעולם בא ככרו בידו זכר זה כר דכתיב (מ"ב ו) ויכרה להם כרה גדולה נקבה אין עמה כלום נקבה נקייה באה עד דאמרה מזוני לא יהבי לה דכתיב (בראשית ל) נקבה שכרך עלי ואתנה:

בעין. ע"י דם נדה שהוא סימן להריון כדקי"ל כל אשה שדמיה מרובין בניה מרובין והוא מביאו לידי עון וקא דייק רבי יצחק בעון שסמוך לעון נדות שה"א מ"ז זהר לפרוש סימנה: בחטא. לשון טבילה וטהרה כדמפרש והי"ק ע"י דם נדות שהוא מביאי לידי עון ח"ל אי שהוא גרם לי בחברת וכשנתהטלה אמי ממנה יחמתני: כר. מזהה דהיינו סימן שלום: נקיה. הסרה כמו ינה פל בי נקי מנכסיו: עד דאמרה מזוני. שיודעת להתפלל: נקבה. כשתנקיב ותפרש שכרך ואתנה. ונקבה נמי כב דרשינן:

לפיכך הביא קרבן. שנועם ביטוי הטאת: מזידה

יא שאלו תלמידיו את ר"ש בן יוחאי מפני מה אמרה תורה יולדת מביאה קרבן אמר להם בשעה שכורעת לילד קופצת ונשבעה שלא תזקק לבעלה לפיכך אמרה תורה תביא קרבן מתקיף לה רב יוסף והא מזידה היא ובהרטה תליא מלתא ועוד קרבן שבועה

י אמר: רבי יצחק האט געזאגט פון רבי אמים וועגן אאשה ווערט אנדערש ניט מעוברת נאר אז דער מאן איז איר בועל נאנט צוא דער צייט וואס זיא דארף זעהן דם נדה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק הן בעון חוללתי. איך בין בשאפען געווארען דורך דעם זינד פון דם נדה. רבי יוחנן זאגט אאשה ווערט אנדערש ניט מעוברת נאר אז דער מאן איז איר בועל ווען זיא קומט פון דער טבילה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ובחטא יחמתני אמי. ווען מיין מוטער האט זיך גירייניגט פון נדה איז זיא דער היצט געווארין ומעוברת געווארין) מיט מיר. פון וואנען ווייסען מיר אז חטא איז דער טייטש ריינינגען. ווארום עס שטייט אין פסוק וחטא את הבית טייטשט דער תרגום. וידכי ית ביתא. ער זאל ריינינגען די שטוב. אונ אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגען פון דעם פסוק תחטאני באזוב ואטהר. דוא זאלסט מיך ריינינגען מיט אזוב וועל איך זיין ריין:

נאך האט רבי יצחק גזאגט פון רבי אמים וועגן אז אזכר ווערט גיבארען אויף דער וועלט קומט שלום אויף דער וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שלחו כר מושל ארץ: זכר מאכט זה כר. אונ מושל איז דיא אותיות שלום. אז אזכר ווערט געשיקט אויף דער וועלט איז שלום אויף דער וועלט:

נאך האט רבי יצחק גזאגט פון רבי אמים וועגן אז אזכר קומט אויף דער וועלט קומט זיין ברויט אין האנט. ער וועט זיין עסין פאר דינגען. זכר מאכט זה כר. אונ כר איז דער טייטש עסין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ויכרה להם כרה גדולה: ער האט גימאכט פאר זייא אגרויסע סעודה. אונ אז אנקבה קומט אויף דער וועלט האט זיא מיט זיך גאר ניט גיברייננט. ווארום דער ווארט נקבה מאכט נקיה באה. זיא איז גיקומען ריין אונ ליידיג. אזוי לאנג וויא זיא בעט ניט אויף עסין גיט מען איר ניט: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נקבה שכרך עלי ואתנה. רייד ארוים דיין פאר דינסט וועל איך דיר געבין ונקבה איז די אותיות נקבהו:

יא שאלו. דיא תלמידים האבען גיפרעגט ביי רבי שמעון בן יוחאי פר וואס האט די תורה גזאגט אז אגעווינערין זאל ברייננגען אקרבן. האט רבי שמעון גזאגט ווייל אאשה ווען זיא דארף גיבארין דאס קינד פון אירע גרויסע שמערצין שווערט זיא אז זיא זאל זיך שוין מער נישט בהעפטין מיט איר מאן: דער נאך איז זיא דאך ניט מקיים די שבועה. דריבער האט דיא תורה גזאגט זיא זאל ברייננגען אקרבן. האט רב יוסף גיפרעגט זיא איז דאך ניט

שבועה בעי איתויי. ומפני מה אמרה תורה זכר לשבעה ונקבה לי"ד זכר שהכל שמחים בו מתחרטת לשבעה נקבה שהכל עצבים בה מתחרטת לי"ד. ומפני מה אמרה תורה מילה לשמונה שלא יהו כולם שמחים ואביו ואמו עצבים. תניא היה ר"מ אומר מפני מה אמרה תורה נדה לשבעה מפני שרגיל בה וקץ בה אמרה תורה תהא טמאה ז' ימים כדי שתהא חביבה על בעלה כשעת כניסתה לחופה. שאלו תלמידיו את ר' דוסתאי בר' ינאי מפני מה איש מחזר על אשה ואין אשה מחזרת על איש משל לאדם שאבד לו אבדה מי מחזר על מי בעל אבדה מחזר על אבדתו. ומפני מה איש פניו למטה ואשה פניה למעלה כלפי האיש
זה

שה. ואין כאן קרבן דהא ונעלם כתיב בשבועת ביטוי: ובחרטה תליא. לפתוח לה בחרטה ויתיר לה חכם שבועתה אבל קרבן אינו עוקר ומתיר שבועה: ועוד קרבן שבועה בעי איתויי. כשבה או שעירה והאי עוף הוא: מתחרטת לשבעה. ומתאוה לתשמיש בעלה כדי שתחזור ותתעבר זכר: ומפני מה מילה לשמונה. ולא לשבעה: שלא יהו הכל שמחין. שאוכלין ושותין בסעודה: ואביו ואמו עצבין. שאסורין בתשמיש: נדה שבעה. לאו ביולדת קאי: מפני שאדם רגיל באשתו. כל שעה שירצה: קץ בה. מאוסה עליו אמרה תורה כל שעה שתראה תהא טמאה שבעה כדי שלא יהא רגיל בה ותתחבב עליו: מחזר על האשה. אדם פנוי מבקש ומחזר עד שנושא: פניו למטה. בבריאת השמים: זה ממקום שנברא. מסתכל באדמה שנוצר ממנה והיא נסתכלת

מְקַיֵּים דִיא שְׁבוּעָה מִיט אִיר וִוילֶען. זִיא וֵויס אַז זִיא הָאט גִישְׁוָוארִין אוּנ זִיא הַאלְט נִיט דִיא שְׁבוּעָה. אוֹיף אַזוֵי אַעֲבֵירָה קוּמְט דָאךְ נִיט אַקָרְבָּן. וָוארוּם אַקָרְבָּן קוּמְט נָאר אוֹיף אַזוֵי אַעֲבֵירָה וָואס מֶען טוּהט אוּמְגֶערִין (נִיט וִויסֶענְדִיג). אוּנ נָאךְ אַזַאךְ בַּייא אַשְׁבוּעָה דַארְף מֶען הָאבֶּען חֲרָטָה אוּנ אַחָכָם אִיז מַתִּיר דִי שְׁבוּעָה. אָבֶּער אַקָרְבָּן אִיז נִיט מַתִּיר אַשְׁבוּעָה. אוּנ נָאךְ אַזַאךְ וֶוען עֶס זָאל שׁוֹין זַיין אַקָרְבָּן. דַארְף זִיא דָאךְ בְּרֵיינְגֶען אַקָרְבָּן שְׁבוּעָה (אַשֶׁעפְּס אָדֶער אַקָאזֶע; אָבֶּער נִיט טָאהבִּין). אוּנ פַאר וָואס הָאט דִיא תּוֹרָה גִזָאגְט אַז דִיא אִשָּׁה גִיבֶּערְט אַזָכָר דַארְף זִיא בְּרֵיינְגֶען אַקָרְבָּן אוֹיף זִיבֶּן טָאג; אוּנ אַז זִיא גִיבֶּערְט אַנְקֵבָה דַארְף זִיא בְּרֵיינְגֶען אַקָרְבָּן אוֹיף פֶערְצֶעהן טֶעג. וַוייל מִיט אַזָכָר פְרֵייעֶן זִיךְ אַלֶע מֶענְטְשִׁין הָאט זִיא חֲרָטָה אוֹיף אִיר שְׁבוּעָה צוּא זִיבֶּען טָאג. אוּנ מִיט אַנְקֵבָה זֶענֶען אַלֶע טְרוֹיעֶרִיג (וַוייל מֶען וֵוייס זִיא וֶועט אוֹיךְ אַמָאהל הָאבֶּען דִיא זֶעלְבִּיגֶע שְׁמֶערְצִין וָואס אִיר מוּטֶער) הָאט דִיא מוּטֶער אִיצְט חֲרָטָה אוֹיף דֶער שְׁבוּעָה צוּ פֶערְצֶעהן טֶעג. אוּנ פַאר וָואס הָאט דִיא תּוֹרָה גִזָאגְט אַז מֶען זָאל מַל זַיין דָאס קִינְד צוּ אַכְט טָאג. עֶס זָאלֶען נִיט זַיין אַלֶע פְרֵיילַאךְ אוּנ דֶער פָאטֶער מִיט דִיא מוּטֶער טְרוֹיעֶרִיג. וָוארוּם אַז מֶען וֶועט מַל זַיין צוּ זִיבֶּען טָאג אָדֶער נַאךְ פְרִיעֶר וֶועלִין אַלֶע זַיין פְרֵיילַאךְ וַייא וֶועלֶען עֶסִין אוּנ טְרִינְקֶען אוֹיף דֶער סְעוּדָה. אוּנ דֶער פָאטֶער מִיט דִיא מוּטֶער וֶועלֶען זַיין טְרוֹיעֶרִיג וַוייל זַייא טָארִין זִיךְ נִיט בַּהֶעפְטִין. אָבֶּער אַז דִיא מִילָה אִיז דֶעם אַכְטֶען טָאג וֶועט דִיא מוּטֶער גֵיין טְבִילָה דִיא נַאכְט וָואס גִיהֶער צוּם אַכְטֶען טָאג. אוּנ אוֹיף מָארְגֶען צוּם בְּרִית וֶועלֶען אַלֶע זַיין פְרֵיילַאךְ:

מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט רַבִּי מֵאִיר הָאט גִזָאגְט פַאר וָואס הָאט דִיא תּוֹרָה גִזָאגְט אַז אַנִדָּה זָאל זַיין טְמֵא זִיבֶּען טָאג וַוייל דֶער מַאן אִיז גִיווֹאוֹהְנְט מִיט זַיין וַוייבּ וֶועט זִיא בַּייא אִיהם פַאר מִיאוּסְט וֶוערִין דְרִיבֶּער הָאט דִיא תּוֹרָה גִזָאגְט זִיא זָאל זַיין טָמֵא זִיבֶּען טָאג. אוּנ וֶוען זִיא וֶועט זִיךְ טוֹבֵל זַיין וֶועט זִיא זַיין גֶעלִיבְּט אוֹיף אִיר מַאן אַזוֵי וִויא זִיא אִיז גֶעלִיבְּט גִיוֶוען וֶוען זִיא אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען אוּנְטֶער דִי חוּפָּה:

דִיא תַּלְמִידִים הָאבֶּען גִיפְרֶעגְט בַּייא רַבִּי דוֹסְתָּאִי בְּרַבִּי יַנַּאי פַאר וָואס זוּכְט דֶער מַאן צוּ נֶעמֶען אַוַוייבּ. אוּנ דָאס וַוייבּ זוּכְט נִיט צוּ נֶעמֶען אַמַאן. דָאס אִיז גְלַייךְ צוּ אַמֶענְטְשׁ וָואס הָט פַאר לָארֶען אַזַאךְ. וֶוער זוּכְט וֶועמֶען. דֶער מֶענְטְשׁ זוּכְט דִי זַאךְ. אָבֶּער דִיא זַאךְ זוּכְט נִיט אִיר בַּעַל הַבַּיִת. דִי אִשָּׁה אִיז בַּשַׁאפֶען גִיוָוארֶען פוּן דֶעם מַאנְס אַרִיפּ. דְרִיבֶּער זוּכְט דֶער מַאן וָואס עֶר הָאט פַאר לָארֶען. אָבֶּער דָאס וַוייבּ זוּכְט נִיט אִיר בַּעַל הַבַּיִת. פַר וָואס וֶוען דֶער מַאן בַּהֶעפְט זִיךְ מִיט זַיין וַוייבּ לִיגְט עֶר מִיט דֶעם פָּנִים אַרָאפּ אוּנ דָאס וַוייבּ לִיגְט מִיט דֶעם פָּנִים אַרוֹיף קֶעגִין אִיר מַאן. דֶער מַאן קוּקְט צוּ דֶעם אָרְט וָואס עֶר אִיז פוּן אִיהם בַּשַׁאפֶען

זה ממקום שנברא וזו ממקום שנבראת. מפני מה האיש מקבל פיוס ואין אשה מקבלת פיוס זה ממקום שנברא וזו ממקום שנבראת. מפני מה איש קולו עב ואין אשה קולה עבה זה ממקום שנברא וזו ממקום שנבראת שנא' (שה"ש ב) כי קולך ערב ומראך נאוה:

בנות כותים פרק רביעי

(דף לג ע"ב) **א רב** פפא איקלע לתואך אמר אי איכא צורבא מרבנן הכא איזיל איקביל אפיה אמרה ליה ההיא סבתא איכא הכא צורבא מרבנן ורב שמואל שמיה ותני מתניתא יהא רעוא דתיהוי כוותיה אמר מדקמברכי' לי בגויה ש"מ ירא שמים הוא אזל לגביה רמא ליה תורא רמי ליה מתני' אהדדי וכו':

(דף לו ע"ב) **ב שילא** בר אבינא עבד עובדא כוותיה דרב כי קא ניחא נפשיה דרב א"ל לרב אסי זיל צנעיה ואי לא צייה גרייה הוא סבר גדייה א"ל כי קא ניחא נפשיה דרב א"ל הדר בך דהדר ביה רב אמר ליה אם איתא דהדר ביה לדידי הוה אמר לי

בו שנולדה הימנה: מקבל פיוס. מה נראות: זה ממקום שנברא. אדמה עפר תיחוח נוח ליבטל אבל בשר ועצמות קשין. עבה כשמכין בו קולו נשמע אבל קרקע כשמכין בו אין קולו נשמע: נאוה. מקום: רמא ליה תורא. רב שמואל שחט שור לכבוד רב פפא:

(עבד עובדא כוותיה דרב. בענין המקשה ודחתה דם הרי זו כדה אם היה ליומא או לאו. והבנת דין זה בגמרא כי זה שאמר לא נכתב כאן כי אם לענין עובדא בין החכמים בשעת פטירתם להודות על האמת): צנעיה. הסתר אותו דבר ואמור לו שיחזור בו דטהור לגמרי: גרייה. ברי"ש כלומר גרור ומשוך אותו בדברי טעם וראיות שיחזור בו: גדייה. הכריתו בשמתא כמו גודו אילנא: לדידי הוה

געוואָרען. פון דיא ערד. אונ זיא קוקט צו דעם אָרט וואָס זי איז פון איהם בשאפען געוואָרען. פון דעם מאַן. פאַר וואָס אַז דער מאַן ווערט בייז קען מען איהם געשווינט גוט מאַכען. אונ אַז די אשה ווערט בייז איז שווער זיא זאָל גוט ווערין. ווייל ער איז בשאפען געוואָרען פון ערד איז ער ווייך; אונ זיא איז בשאפען געוואָרען פון ביין איז זיא האַרט. פאַר וואָס האָט אזכר אַגראָבען קול. אונ אנקבה האָט ניט אַגראָבין קול. ווייל ער איז בשאפען געוואָרין פון ערד אונ אַז מען קלאַפּט אין ערד הערט מען ניט קיין קול; דריבער מוז זיין זיין קול גראָב אונ שטאַרק מען זאָל קענען הערין. אונ זיא איז בשאפען געוואָרען פון ביין; אונ אַז מען קלאַפּט אין ביין קלינגט. דריבער קלינגט איר קול אפילו זיא רעט שטיל אונ איידיל. אונ עס שטייט אין פסוק אַז דער חתן לויבט זיין כלה דיין קול איז זיס אונ דיין אויס זעהן איז שיין:

פרק רביעי

א רב פפא איז אַמאהל גיקומען אין די שטאָט תואך. האָט רב פפא גזאָגט אויב אין דער שטאָט איז דאָ אַתלמיד חכם וועל איך גיין צו איהם איך זאָל איהם זעהן. האָט אַאַלטע יודינע גזאָגט צו רב פפא אין דער שטאָט איז דאָ אַלמדן אונ זיין נאָמען איז רב שמואל. אונ ער לערנט ברייתות; הלואי זאָלסטו זיין אזוי וויא ער איז. האָט רב פפא גזאָגט ווייל זיא בענטשט מיך איך זאָל זיין אזוי וויא רב שמואל. געוויס איז דער רב שמואל אַפרומער. איז רב פפא גינאַנגען צו רב שמואל; האָט רב שמואל גישאָכטען אַאָקס צוא מאַכען אַסעודה פאַר רב פפא; דער ווייל האָט רב פפא גיפרעגט אַקשיא פון איין ברייתא אויף די אַנדערע; רב שמואל זאָל די קשיא פר ענטפערין:

ב שילא בר אבינא האָט גיפסקנ'ט אַדין אזוי וויא רב. איידער רב איז גישטאָרבען האָט ער גזאָגט צו רב אסי גיי זאָג צו שילא ער זאָל פאַר באָרגין דעם דין אונ זאָל ניט מער אזוי פסקנען. אונ אויב שילא וועט ניט וועלין פאָלגין. גרייה. זאָלסטו איהם אָפּ ציהען פון דעם דין מיט בעווייזונגען אונ אויף קלערונג. רב אסי האָט גימיינט אַז רב האָט צוא איהם גזאָגט אויב שילא וועט ניט וועלען פאָלגען. גדייה. זאָלסטו איהם אַריין לייגען אין חרם. דער נאָך וויא רב איז גישטאָרבען. האָט רב אסי גזאָגט צו שילא דו זאָלסט חרטה האָבען פון דעם דין. ווארום רב האָט אויך חרטה גיהאַט פון דעם דין. האָט שילא גזאָגט צו רב אסי אַז רב וואָלט חרטה גיהאַט

לי לא ציית גדייה א"ל ולא מסתפית מר מדליקתא א"ל אנא איסי בן יהודה דהוא איסי בן גור אריה דהוא איסי ב"ג יהוא איס' בן מהללאל אסותא דנחשא דלא שליט ביה רקבא א"ל ואנא שילא בר אבינא בוכנא דפרזלא דמתבר אסותא דנחש' חלש רב אסי עיילוה בחמימי אפקוה מקרירי עיילוה בקרירי אפקוה מחמימי נח נפשיה דרב אסי (דף לז) אזל שילא אמר לדביתהו צביתי לי זוודתא דלא ליזיל ולימא לרב מילי עילואי צביתא ליה זוודתא נח נפשיה דשילא חזו דפרחא אסא מהאי פוריא להאי פוריא אמרי ש"מ עבדו רבנן פייסא:

(דף לח) **ג אמר** שמואל אין האשה מתעברת ויולדת אלא לרע"א יום או לרע"ב יום או לרע"ג הוא דאמר כחסידים הראשונים דתניא חסידים הראשונים לא היו משמשין כמטותיהם אלא בד' בשבת שלא

אמר לי דתלמידיה אנא: גדייה. שמתיה: מדליקתא. אמא תכוה בגהלתי: אסותא. משום דשמיה אסי ריש לגמיה הכי: עיילוה ברמימי. חולי הוס: קרירי. חולי צונן: אזל שילא אמר לדביתהו לכית לי זוודתא. הכריכין: מילי. שלא ילשין עלי בפני רב: דקא פרח אסא. רגילין היו להביא הדס על המטה וההדס של אלו פורח היה והולך ממטה למטה: פייסא. גלוס:

או לרע"א. דהוו להו ט' הדשים שלמים של שלשים וכיום ראשון של עשירי יולדת: או לרע"ב. כלומר אם לא קלטה הזרע יום ראשון קולטת בשני ומיום קליטתו הוי התחלת העיבור: או לרע"ג. שאם לא קלטה בב' קולטת בג' אבל אם לא קלטה בג' שוב אינו קולטת דקיי"ל דעד שלישי הוי ראוי להזריע מכאן ואילך מסריח במסכת שבת בפולטת שכבת זרע ליום השלישי בפרק רבי עקיבא: כוא. שמואל דאמר כהסידים: לידי חילול שבת. שלא תלד בשבת ויצטרך לחלל עליה את השבת: אלא ברביעי. אבל

ון דעם דין וואָלט ער מיר גזאָגט. האָט שילאָ ניט געוואָלט פאָלגן. האָט רב אַסי מַחֲ־ים גיוועֶן. האָט שילאָ גזאָגט צו רב אַסי דו האָסט ניט מורא פאַר מיין פייער. טאָמער וועל איך דיך שטראָפען. האָט רב אַסי גזאָגט איך בין איסי בן יהודה וואָס ער איז איסי בן גור אַרְיֵה וואָס ער איז איסי בן גַמְליאל וואָס ער איז איסי בן מַהֲלַלְאֵל וואָס איך בין אַקופּערנער מערזאַן וואָס ער קען ניט פאַר פוילט ווערין: האָט שילאָ גזאָגט אונ איך שילאָ בר אַבינאָ בין אַיין אַאייזערנער שטויס וואָס איך קען צו ברעכען אַקופּערנעם מערזאַן. איז רב אַסי קראַנק גיוואָרין עס האָט איהם אַריין גיבריינגט אין אַהיץ קראַנקייט. אונ אין אַקעלט קראַנקייט. ביז רב אַסי איז גישטאָרבען. איז גיגאַנגען שילאָ צו זיין ווייב אונ האָט גזאָגט צוא איר גרייט אָן פאַר מיר תכריכין. איך וויל אויך מיט שטאַרבען גלייך מיט רב אַסי. וואָרום איך האָב מורא ער וועט מיך פאַר מסרין פאַר רב. האָט דאָס ווייב אָן גיגרייט תכריכים. אונ שילאָ איז באַלד גישטאָרבען. זענען גילעגין בֵּ ידע מתים רב אַסי אונ שילאָ אויף צוויי בעטלאַך: איינע נעבין דיא אַנדערע אויף די בעט פון רב אַסי איז גילעגין הֲדַסִים. אונ אויף דיא בעט וואָס שילאָ איז גילעגין איז אויך גילעגין הֲדַסִים. האָט מען גיזעהן וויא די הֲדַסִים וואָס זענען גילעגין אויף די בעט פון רב אַסי זענען גיפלויגען אויף דיא בעט פון שילאָ. אונ דיא הֲדַסִים וואָס זענען גילעגין אויף דיא בעט פון שילאָ זענען גיפלויגען אויף די בעט פון רב אַסי. הָט מען גזאָגט מען זעהט אַז די רַבָּנָן רב אַסי אונ רב שילאָ האָבען געמאַכט שָׁלוֹם צווישען זיך:

ג אָמַר. שְׁמוּאֵל האָט גזאָגט אַז אַמאַן איז בּוֹעֵל זיין ווייב אויב זיא איז באַלד די זעלביגע נאַכט מְעוּבֶּרֶת גיוואָרין דאַרף זיא ציילען צוויי הונדערט מיט איין אונ זיבעציג טעג אונ אויף מאָרגען וועט זיא גיבאָרין דאָס קינד. נאָר טאָמער איז זיא איצט מאָרגען מְעוּבֶּרֶת גיוואָרען. דריבער זאָל זיא ציילען נאָך אַטאָג. איז צוויי הונדערט מיט צווייא אונ זיבעציג טעג. אונ טאָמער איז זיא איצט מְעוּבֶּרֶת גיוואָרען אויף דעם דריטען טאָג. דריבער זאָל זיא ציילען נאָך אַטאָג. איז צוויי הונדערט מיט דריי אונ זיבעציג טעג. אונ שפּעטער קען שוין ניט זיין. וואָרום נאָך דעם דריטען טאָג איז שוין דיא זֶרַע קאַליע גיוואָרען. אונ די אִשָּׁה קען שוין ניט מְעוּבֶּרֶת ווערין. אונ שְׁמוּאֵל זאָגט אַזוי וויא דיא ערשטע חֲסִידִים. וואָרום מיר האָבען גילערונט דיא ערשטע חֲסִידִים פלעגין ניט מְשַׁמֵּשׁ הַמִּטָּה זיין נאָר דיא נאַכט וואָס גיהער צו מיטוואָך. זייערע ווייבער זאָלען ניט מְחַלֵּל שַׁבָּת זיין. זייא זאָלען ניט גיבאָרין זייערע קינדער אום שַׁבָּת. אָלע נאַכט זייא נאַכט צו זונטאָג אונ די נאַכט צו מאָנטאָג אונ די נאַכט צו דינסטאָג ווען זיי וועלען

שלא יבואו נשותיהן (ע"ב) לידי חלול שבת. ברביעי ותו לא אימא מרביעי ואילך אמר מר זוטרא מאי טעמייהו דחסידים הראשונים דכתיב (רות ד) ויתן ה' לה הריון הריו"ן בגימטריא מאתן ושבעים וחד הוו אמר מר זוטרא אפילו למ"ד יולדת לתשעה אינה יולדת למקוטעים יולדת לשבעה יולדת למקוטעים שנאמר (ש"א א) ויהי לתקופת הימים ותהר חנה ותלד בן מיעוט תקופות שנים מיעוט ימים שנים:

יוצא דופן פרק חמישי

(דף מה) **ת"ר** מעשה ביוסטני בתו של אסוירוס בן אנטונינוס שבאתה לפני רבי א"ל רבי אשה בכמה נישאת א"ל בת ג' שנים ויום אחד ובכמה מתעברת א"ל לי ב שנה ויום אחד א"ל אני נשאתי בשש וילדתי בז'

או

ליל ג' וליל שני ומוצאי שבת לא דאי מתעברת מ׳לאי שבת שמא תלד לרע"ג דמטי בשבת ונמצא שבת מתחלל שניהן רשות להללו מפני סכנת גופה וכ"ד עשה ממאתים וע"ג ימים שבועה ומאה ימים הוו שבועים שוין בר מתרי יומין וכן למאה ימים האחרונים שני ימים הרי ארבעה ימים עודפים על השבועים ושבעים ימים כולם שוים ושלשה ימים תן על ארבעה העודפים הרי שבוע וכיון שהתחילו במוצאי שבת נמצאו כלים בשבת ואם מתעברת ש"י דלמא ילדה לרע"ב דמטי בשבת ואם נתעברה ג"ל"ש דלמא ילדה לרע"א דמטי בשבת אבל ברביעי ילדה לרע"א מטי בחד בשבת ואי למאתים ושבעים ושנים מטי בתרי בשבת ואי למאתים ושבעים ובלא מטי בתלת בשבת אלמא כשמואל סבירא ליה : ברביעי ותו לא . כ"ש דאי מיעברא בה' או בו' בשבת דלא מטי יום לידה בשבת : לתקופת הימים . כתיב מיעוט ימים שנים דכל מקום שנאמר ימים ולא נאמר כמה הפסוק המועט בידך ולא המרובה שאם אתה אומר ימים שלשה או ארבעה אני אומר עשרה או מאה כך שנו חכמים כל שמשמעו מרובה ומשמעו מועט תפסת מרובה לא תפסת תפסת מועט תפסת ולכך כאן שנאמר ימים מכאן שנלמדו שני ימים בהדם שניעי ילדה :

בועל זיין קען אויס קומען זייא זאלען געבארין אום שבת. נאר אז זייא וועלען בועל זיין דיא נאכט צו מיטוואך. קענען זייא ניט געבארין אום שבת). פרעגט דיא גמרא נאר דיא נאכט צוא מיטוואך אז זייא וועקען בועל זיין וועט מען ניט געבארין אום שבת. אז זייא וועלען בועל זיין די נאכט צו דאנערשטאג אדער די נאכט צו פרייטאג אדער דיא נאכט צו שבת וועט דאך אויך ניט אויס קומען מען זאל געבארען אום שבת. ענפערט דיא גמרא מען מיינט זיי פלעגין בועל זיין פון מיטוואך ביז שבת (דיא נאכט צו מיטוואך אונ די נאכט צו דאנערשטאג אונ די נאכט צו פרייטאג אונ די נאכט צו שבת) אין איינע פון דיא פיר נעכט. מר זוטרא הט גזאגט פאר וואס האבען די ערשטע חסידים אזוי גיטאהן. זייא זאלען נאר בועל זיין אין איינע פון די פיר נעכט. ווארום עס שטייט אין פסוק ויתן ה' לה הריון. גאט האט גיגעבען צוא איר אשוואנגערשאפט. דערווארט הריון בטרעפט צוויי הונדערט מיט איין אונ זיבעציג. צו זאגען אונז אז א אשה איז מעוברת צוויי הונדערט מיט איין אונ זיבעציג טעג. נאר ווייל מיר ווייסען ניט ווען די זרע האט אן גענומען ביי דיא מוטער אין בויך. באלד דיא ערשטע נאכט; אדער דיא אנדערע; אדער די דריטע. דריבער בארף מן ציילען ביז צוויי הונדערט דריי אונ זיבעציג טעג. אונ אז זייא וועלען בועל זיין די נאכט צו זונטאג אדער צו מאנטאג אדער צוא דינסטאג קען אויס קומען זי זאל געבארען אום שבת וועט מען דאך בארפען מחלל שבת זיין. מר זוטרא האט גזאגט אפילו דער וואס זאגט דיא אשה וואס געבארט דאס קינד צו ניין חדשים. געבירט זיא ניט צו אפ גיהאקטע ניין חדשים. נאר צו פולע ניין חדשים. אבער די אשה וואס געבארט צו זיבען חדשים. געבירט זיא אפילו צו ווייניגער וויא זיבען חדשים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ויהי לתקופת הימים איז חנה מעוברת געווארין אונ הט געבארן אזוהן. תקופות מיינט מען אמווייניגסטען צווייא תקופות; ימים מיינט מען אמווייניגסטען צווייא טעג. איין תקופה איז דריי חדשים. צווייא תקופות איז זעקס חדשים. האט חנה געבארען דאס קינד צוא זעקס חדשים מיט צוויי טעג:

פרק חמישי

א תנו רבנן דיא רבנן האבען גירעדט עס האט אמאהל גיטראפען יוסטני דיא טאכטער פון אסוירוס דער זוהן פון אנטונינוס איז געקומען פאר רבי אונ זיא האט גזאגט צו רבי צו וויא פיל יאהר קען א נקבה חתונה האבען. הט רבי צו איר גזאגט אז זיא איז אלט

אוי לג' שנים שאבדתי, משנראיתי לגיאה : מן הטעוה. כלומר מטעות הראה אני משינך השובה הרבה נימין הנאתי באדם :

אוי לג' שנים שאבדתי בבית אבא ומי מיעברא והא תני רב ביבי וכו' אבע"א (יחזקאל כג) אשר בשר חמורים בשרם אבע"א (תהלים קמד) אשר פיהם דבר שוא וימינם ימין שקר :

(ע"ב) ב א"ר חסדא מ"ט דרבי (בראשית ב) ויבן ה' את הצלע מלמד שנתן הקב"ה בינת יתרה באשה יותר מבאיש . ר"ל משום ר"ש בן מנסיא אמר ויבן ה' את הצלע אשר לקח מן האדם לאשה ויביאה אל האדם מלמד שקלעה הקב"ה לחוה והביאת אצל אדם הראשון שכן בכרכי הים קורין לקלעיתא בנייתא :

בא סימן פרק שמיני

(דף נב) א כתיב (איוב ט) אשר בשערה ישופני והרבה פצעי חנם אמר רבא איוב בסערת חרף ובסערה השיבוהו בסערה חירף אמר לפניו רבש"ע שמא רוח סערה עברה לפניך ונתחלף לך בין איוב לאויב . בסערה השיבוהו (שם לח) ויען ה' את (ע"ב) איוב

דריי יאהר מיט אטאג קען זיא שוין חתונה האבען . אונ צו וויא פיל יאהר קען זיא מעוברת ווערין . האט רבי גזאגט אז זיא איז אלט צוועלף יאהר מיט אטאג קען זיא מעוברת ווערין . האט יוסטני גזאגט איך האב חתונה גיהאט ווען איך בין אלט גיוועזען זעקס יאהר . אונ ווען איך בין אלט גיוועזען זיבען יאהר האב איך שוין גיבארען אקינד . אשאד די דריי יאהר וואס איך האב פאר לארען ביי מיין פאטער : איך האב דאך גיקענט חתונה האבען צו דרייא יאהר . פרעגט דיא גמרא איז זיא דען מעוברת גיוואהרען אין זיבעטין יאהר . רב ביבי האט דאך גילערונט אז מען קען ניט מעוברת ווערין אין זיבעטין יאהר . ענפערט דיא גמרא אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגען דיא פאר צייטיגע גוים האבען זייערע ווייבער יא גיקענט מעוברת ווערין צו זעקס אדער צו זיבען יאהר . ווייל דער פסוק זאגט אויף זייא וויא די פלייש פון אייזלען אזוי איז זייער פלייש . זיי זענען וויא דיא בהמות : אונ אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגען דיא יוסטני האט גזאגט ליגען . זיא האט גאר ניט גיבארען צו זיבען יאהר . אזוי וויא דער פסוק זאגט זייער מויל רעט פאלשקייט אונ זייער רעכטע האנט איז פאלש . דער פסוק מיינט דיא גוים האבען גאר ליב זיך צו בריהמען מיט וואס זיי האבען ניט אונ מיט וואס זייא טוהען ניט . זייער מויל רעט פאלשקייט זיי האבען . אונ אין אמת האבען זיי ניט . אונ זייער רעכטע האנט האט גאר ניט גיטאהן . אונ זיי בריהמען זיך זיי האבען גיטאהן :

ב אמר . רב חסדא האט גזאגט רבי דרשת דעם פסוק ויבן ה' את הצלע . ויבן איז דער טייטש פאר שטאנד (חכמה) . דער פסוק לערונט אונז אז גאט האט גיגעבען צו דער נקבה מער חכמה וויא צו דעם זכר . ריש לקיש זאגט פון רבי שמעון בן מנסיאם וועגין עס שטייט אין פסוק ויבן ה' את הצלע אשר לקח מן האדם לאשה ויביאה אל האדם : דער פסוק לערונט אונז אז גאט האט פר פלאכטען די האר פון חוה אונ האט איר גיברייינגט צוא אדם הראשון . ווארום אין דיא שטעט פון ים רופט מען אויף פלעכטען . בנייתא . איז ויבן דער טייטש פלעכטין :

פרק שמיני

א כתיב : עס שטייט אין פסוק איוב האט גזאגט אשר בשערה ישופני והרבה פצעי חנם . רבא זאגט איוב האט גילעסטערט גאט מיט דעם ווארט שטורעם : אונ מיט שטורעם האט איהם גאט גיענפערט . מיט דעם ווארט שטורעם האט איוב גילעסטערט גאט . ווארום ער האט גזאגט פאר גאט רבונו של עולם טאמער איז אשטורעם ווינט פר ביי גיגאנגען פאר

איוב מן הסערה ויאמר אליו שוטה שבעולם הרבה נימין בראתי בראשו של אדם ולכל נימא ונימא בראתי לה גומא בפני עצמה שלא יהיו שתים יונקות מגומא אחת שאלמלי שתים יונקות מגומא אחת מכחיש מאור עיניו של אדם גומא בגומא לא נתחלף לי איוב באויב נתחלף לי :

מקום טומאה לה. שנגלגו שם מים של סדין מתוך שהיה עפר רך :

יוחנן בן קרח אמר לגדליה שמעתי שבא ישמעאל בן נתניה להרגך : ביד גדליה . משמע שע״י

האשה פרק תשיעי

(דף סא) **א תניא** אבא שאול אומר מעשה בסלע בית חורון שהיו מחזיקין בה טומאה ולא יכלו חכמים לבדוק מפני שהיתה מרובה והיה שם זקן אחד ור׳ יהושע בן חנניא שמו א״ל הביאו לי סדינים הביאו לו סדינים ושראן במים ופרסן עליהן מקום טהרה יבש מקום טומאה לח ובדקו ומצאו בור גדול מלא עצמות . תנא הוא הבור שמלא ישמעאל בן נתניה חללים דכתיב (ירמיה מא) והבור אשר השליך שם ישמעאל את כל פגרי האנשים :

כתיב (שם) והבור אשר השליך שם ישמעאל את כל פגרי האנשים אשר הכה ביד גדליהו וכי גדליה הרגן והלא ישמעאל הרגן אלא שמתוך שהיה לו לחוש לעצת יוחנן בן קרח ולא חש מעלה עליו הכתוב כאלו הרגן . אמר רבא האי לישנא בישא אע״פ דלקבולי לא

דיר אונ ער הט פר טאהשט דיא ווערטער פון איוב אויף אויב. האט איהם גאט געענפערט מיט שטורעם. אזוי וויא עס שטייט אין פס״ק גאט האט געענפערט צו איוב פון שטורעם אונ ער האט גזאגט צו איהם דו נאר פיל האר האב איך בשאפען אויף דעם קאפ פון אמענטשין אונ צו יעדער האר האב איך בשאפען אבזונדער גריבעל עס זאלען ניט וואקסען צווייא האר פון איין גריבעל. ווארום אז צוויי האר וואלטען וואקסען פון איין גריבור וואלטען טונקעל געווארען די אויגען פון מענטשין. אגריבול אויף אגריבול איז מיר ניט פאר טאהשט געווארען וועט מיר פר טאהשט ווערין פון איוב אויף אויב :

פרק תשיעי

א תניא. מיר האבען גילערונט אבא שאול זאגט עס האט אמאהל גיטראפען אין דיא שטאט בית חורין איז געווען אהארטע שטיק ערד אונ מען הט גיהאלטען די שטיק ערד פר טמא (אין איר זאלען זיין בגראבען מתים) אונ די חכמים האבען ניט גיקענט זוכען אין די ערד אויב אין איר איז דא מתים אדער ניין ווייל די שטיק ערד איז געווען גאנץ גרויס. איז דארט געווען אאלטער מאן זיין נאמען איז געווען רבי יהושע בן חנניה. הט רבי יהושע גזאגט צו די מענטשין פון שטאט ברייגגט צו מיר ליילעכער. הט מען גיברייגגט צו איהם ליילעכער. הט רבי יהושע גיווייקט די ליילעכער אין וואסער אונ הט זיי פר שפרייט אויף דיא גאנצע שטיק ערד. דער ארט וואס אין איהם זענען ניט געווען בגראבען מתים. איז דער ארט געבליבען טרוקען. די ערד הט ניט איין גיזאפט קיין וואסער. אונ דער ארט וואס אין איהם זענען יא געווען בגראבען מתים: דער ארט איז געווארען נאס פון דיא וואסער. ווייל דיא ערד איז ניגראבען געווארען איז זיא געווען ווייך. הט מען גזוכט אין דעם נאסען ארט אונ מען האט געפונען אגרויסע גרוב פול מיט ביינער. מיר האבען גילערונט דס איז די גרוב וואס ישמעאל בן נתניה הט איר פול געמאכט מיט טויטע מענטשין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער גרוב וואס ישמעאל הט דארט אריין געווארפען אלע טויטע מענטשין :

כתיב: עס שטייט אין פסוק דער גרוב וואס ישמעאל הט דארט אריין געווארפען אלע טויטע מענטשין וואס ער הט זיי גישלאגען דורך גדליה. הט זייא דען גדליה גיהרגת. ישמעאל הט דאך זיי גיהרגת. נאר ווייל גדליה הט גידארפט מורא האבען פר די רייד וואס יוחנן בן קרח

גדליה נהרגו : למיחש ליה מיבעי : ושמא הרגתם ואסור להציל אתכם : בני אחיה . שבא משמחזאי ועזאל שני מלאכים שירדו בדור אנוש : מתשובתו של אותו צדיק . שהודה הקב"ה להשיב שלא יירא ממנו : עוג פלט מן המבול . שברח לא"י כדאמרי' בחלק :

שאבד בו כלאים . שאם היה מכיר חוט הצמר בבגד הפשתן נתקו ובער : לא ימכרנו לנכרי . דאתא בנכרי ומזבין ליה לישראל :

לא מיבעי למיחש ליה מיבעי . הנהו בני גלילא דנפיק עלייהו קלא דקטיל נפשא אתו לקמיה דר"ט א"ל לטמרינן מר א"ל היכי נעביד אי לא אטמרינכו חזו יתייכו אטמרינכו הא אמור רבנן האי לישנא בישא אע"ג דלקבולי לא מיבעי למיחש ליה מיבעי זילו אתון טמרו נפשייכו . (במדבר כא) ויאמר ה' אל משה אל תירא מכדי סיחון ועוג אחי הוו דאמר מר סיחון ועוג בני אחיה בר שמחזאי מ"ש מעוג דקמסתפי ומ"ש מסיחון דלא קמסתפי אמר רבי יוחנן אמר רבי שמעון בן יוחאי מתשובתו של אותו צדיק אתה יודע מה היה בלבו אמר שמא תעמוד לו זכותו של אברהם אבינו שנאמר (בראשית יד) ויבא הפליט ויגד לאברם ואמר רבי יוחנן זה עוג שפלט מדור המבול :

(ע"ב) ג ת"ר בגד שאבד בו כלאים ה"ז לא ימכרנו לנכרי ולא יעשנו מרדעת לחמור אבל עושה

הט גירעט וואס ער הט גזאגט) אז ישמעאל קומט אונ ער וועט הרגנן מענטשין . אונ גדליה הט ניט מורא גיהאט . אונ וויל ער הט ניט מורא גיהאט הט ער די זאך ניט פר היט . רעכינט דער פסוק אויף גדליה גלייך וויא ער וואלט זיי גיהרגת . רבא זאגט אז מען דער ציילט פאר איינעם לשון הרע . אפילו ער דארף ניט אן נעמען פאר אאמת . פון דעסטוועגין דארף ער מורא האבען טאמער איז דאס אמת . די מענטשין פון גליליא איז ארויס גיגאנגען אויף זיי אקול אז זיי האבען גיהרגת אמענטשין . זענען זייא געקומען פר רבי טרפון אונ האבען גזאגט צו איהם זאל דער רבי אונז בעהאלטען . הט רבי טרפון צו זיי גזאגט וויא זאל איך מיט אייך גאהן . אויב איך וועל אייך ניט בעהאלטען . וועט מען אייך זעהן אונ מען וועט אייך הרגנן . איך זאל אייך יא בעהאלטען . די רבנן האבען דאך גזאגט אז מען רעט אויף איינעם לשון הרע אפילו מען דארף דאס ניט אן נעמען פר אאמת . פון דעסטוועגין דארף מען מורא האבען טאמער איז דאס אמת . טאמער הט איר טאקי גיהרגת טאר איך אייך ניט בעהאלטען : גייט איר בעהאלט אייך אליין :

עס שטייט אין פסוק גאט הט גזאגט צו משה דו זאלסט ניט מורא האבען פר עוג מלך הבשן . איז דאך אקשיא סיחון אונ עוג זענען דאך גיוועזן ברידער . וואָרום דער רבי הט גזאגט סיחון אונ עוג זענען גיוועזן די קינדער פון אחיה אונ אחיה איז גיוועזן דער זוהן פון שמחזאי (שמחזאי אונ עזאל זענען גיוועזן צווייא מלאכים וואס זענען אראפ געקומען פון הימעל אויף דער ערד אונ האבען גענומען ווייבער אונ האבען געהאט קינדער . דאס זענען די ריזען) : פר וואס פר עוג הט משה מורא גיהאט אונ פר סיחון הט ער ניט מורא גיהאט . האט רבי יוחנן גזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין פון די אנטווארט וואס גאט הט גיענפערט צוא משה קען מען וויסען וואס משה הט גיטראכט אין זיין הארצען . משה הט גזאגט איך האב מורא צו הרגנן דעם עוג טאמער וועט איהם ביי שטיין דער זכות פון אברהם אבינו . ווארום עס שטייט אין פסוק ויבא הפליט ויגד לאברם העברי . דער פליט איז געקומען אונ הט גזאגט צו אברהם דיין ברודערס זוהן (דאס איז לוט) איז גיפאנגען גיווארען . אונ רבי יוחנן הט גזאגט דריבער רופט מען אים פליט ווייל ער איז גירעטעט גיווארן פון מבול . דריבער הט משה מורא גיהאט איהם צו הרגנן . טאמער וועט באשיצען אויף איהם דער זכות פון אברהם . ביז גאט הט צו איהם גזאגט דוא זאלסט פר איהם ניט מורא האבען ווארום דער זכות פון די מצוה הט זיך שוין אויס גילאזט :

ג תנו רבנן . די רבנן האבען גילערנט אקלייד וואס אין איר איז פארלארען גיווארען כלאים . למשל אין א וואלענע קלייד איז אריין געמישט גיווארען אפאדעם פון פלאקס . אונ מען קען נישט געפינען דעם פאדעם . טאר מען נישט פר קויפען די קלייד צו אגוי . ווארום טאמער

עושה ממנו תבריכין למת אמר רב יוסף זאת אומרת שנתקו שיניו . מתמת זקנה : נתמעטו מזונותיו .
מצות בטלות לעתיד לבא : קהין נכה :

תינוקת פרק עשירי

(דף ס"ט) **א א"ר** חנינא בר שלמיה משמיה דרב כיון שנתקו שיניו של אדם נתמעטו מזונותיו שנאמר (עמוס ד) וגם אני נתתי לכם נקיון שנים בכל עריכם וחסר לחם בכל מקומותיכם :

(דף סט ע"ב) **ב ת"ר** י"ב דברים שאלו אנשי אלכסנדריא את ר' יהושע בן חנניה ג' דברי חכמה ג' דברי אגדה ג' דברי בורות ג' דברי דרך ארץ . ג' דברי חכמה כו' . (דף ע ע"ב) ג' דברי אגדה כתוב אחד אומר (יחזקאל יח) כי לא אחפוץ במות המת וכתוב אחד אומר (ש"א ב) כי חפץ ה' להמיתם כאן בעושין תשובה כאן בשאין עושין תשובה . כתוב אחד אומר (דברים י) אשר לא ישא פנים ולא יקח שחד וכתוב אחד אומר (במדבר ו) ישא ה' פניו אליך . כאן קודם גזר דין כאן לאחר גזר דין. כתוב אחד אומר (תהלים קלב) כי בחר ה'

וֶועט דֶער גוֹי פַר קוֹיפֶען דִי קְלֵייד צוּ אַיוּד . אוּנ אַז דֶער יוּד וֶועט נִיט זֶעהן דֶעם פָּאדֶעם פְלַאקְס וֶועט עֶר אָן טָאהן דִי קְלֵייד . אוּנ עֶר טָאר נִיט מַאכֶען פוּן דִיא קְלֵייד אַזָאטִיל אוֹיף אַאֵייזֶעל עֶר זָאל רַייטֶען אוֹיף דֶעם זָאטֶעל . אָבֶּער עֶר מֶעג מַאכֶען פוּן דֶער קְלֵייד תַּכְרִיכִין צוּ אַמֵּת . הָאט רַב יוֹסֵף גֶזָאגְט פוּן דַאנֶען וֵוייסֶען מִיר אַז וֶוען דִי מֵתִים וֶועלֶען אוֹיף שְׁטֵיין וֶועט מֶען שׁוֹין נִיט בַּארְפֶען הִיטֶען דִי מִצְוֹת פוּן דֶער תּוֹרָה . וָוארוּם דִי מֵתִים וֶועלֶען דָאךְ אוֹיף שְׁטֵיין אָן גִיטָאהן אִין זֵייעֶרֶע תַּכְרִיכִין וִוי אַזוֹי וֶועט דֶער מֵת גֵיין אִין שַׁעַטְנֵז . גֶעווִיס וֶועלֶען שׁוֹין זַיין אַלֶע מִצְוֹת בָּטֵל אוּנ מֶען וֶועט שׁוֹין מֶעגֶען גֵיין אִין שַׁעַטְנֵז :

פרק עשירי

א אָמַר . רַבִּי חֲנִינָא בַּר שַׁלְמִיָה הָט גֶזָאגְט פוּן רַבְס וֶועגֶין אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַלְט אוּנ דִי צֵיין פַאלֶען פוּן אִיהם אַרוֹים . גִיט מֶען אִיהם שׁוֹין פוּן הִימֶעל וֵוייניגֶער פַּרְנָסָה . אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אוּנ אִיךְ הָאבּ גִיגֶעבֶּען צוּא אַייךְ אַייֶער מוֹיל זָאל רֵיין אוּנ לֵיידִיג וֶוערֶען פוּן דִיא צֵיין אִין אַייֶערֶע אַלֶע שְׁטֶעט אוּנ עֶס וֶועט אַייךְ פֶעלִין בְּרוֹיט אִין אַלֶע אַייֶערֶע אֶרְטֶער :

ב תָּנוּ רַבָּנָן . דִי רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערוֹינְט צְוֶועלְף זַאכֶען הָאבֶּען דִי מֶענְטְשִׁין פוּן אַלֶכְּסַנְדְרִיָא גִיפְרֶעגְט בַּיי רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָה . דְרַיי זַאכֶען חָכְמָה . דְרַיי דְרָשׁוֹת פוּן פְּסוּקִים . דְרַייא לֵיידִיגֶע זַאכֶען . (וָואס עֶס אִיז נִיט נֵייטִיג צוּ וִויסֶען) . דְרַיי וֶועלְטְלִיכֶע זַאכֶען . (דִיא דְרַיי זַאכֶען פוּן חָכְמָה שְׁטֵייט אִין דֶער גְמָרָא) . וָואס זֶענֶען גִיוֶוען דִיא דְרַייא דְרָשׁוֹת פוּן פְּסוּקִים . זֵייא הָאבֶּען אַזוֹי גִיפְרֶעגְט . אִין אֵיין פָּסוּק שְׁטֵייט גָאט זָאגְט אִיךְ וִויל נִיט אַמֶענְטְשׁ זָאל שְׁטַארְבֶּען . אוּנ אִין אַנְדֶערִין פָּסוּק שְׁטֵייט גָאט הָט גִיוָואלְט דִי קִינְדֶער פוּן עֵלִי זָאלֶען שְׁטַארְבֶּען . הָאט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ גִיעֶנְפֶערְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ טוּהט תְּשׁוּבָה וִויל נִיט גָאט עֶר זָאל שְׁטַארְבֶּען . אוּנ אַז עֶר טוּהט נִיט תְּשׁוּבָה וִויל גָאט עֶר זָאל שְׁטַארְבֶּען . נָאךְ הָאבֶּען זֵייא גִיפְרֶעגְט אִין אֵיין פָּסוּק שְׁטֵייט אֲשֶׁר לֹא יִשָּׂא פָנִים וְלֹא יִקַּח שׁוֹחַד (גָאט קֶערְט נִיט זַיין פָּנִים צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ . אוּנ עֶר נֶעמְט נִיט שׁוֹחַד) . אוּנ אִין אַנְדֶערִין פָּסוּק שְׁטֵייט יִשָּׂא ה' פָּנָיו אֵלֶיךָ (גָאט וֶועט קֶערִין זַיין פָּנִים צוּ דִיר) . הָט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ גִיעֶנְפֶערְט אֵיידֶער עֶס אִיז נִגְזַר גִיוָוארֶען אוֹיף דֶעם מֶענְטְשִׁין עֶר זָאל שְׁטַארְבֶּען . קֶערְט גָאט זַיין פָּנִים צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוּנ קוּקְט אוֹיף אִיהם . אָבֶּער אַז עֶס אִיז שׁוֹין נִגְזַר גִיוָוארֶען אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל שְׁטַארְבֶּען קֶערְט שׁוֹין נִיט גָאט זַיין פָּנִים צוּא דֶעם מֶענְטְשׁ אוּנ עֶר קוּקְט שׁוֹין נִיט אוֹיף אִיהם . נָאךְ הָאבֶּען זֵייא גִיפְרֶעגְט אִין אֵיין פָּסוּק שְׁטֵייט גָאט הָאט

בן השונמית. שהחיה אלישע: מהו שיטמא. לאחר שהחייהו מי חשיב כמת: נחכים להו. נתיישב בדבר: לאוהביו משגר ממה שלפניו. כן חכמה

ה' בציון וכתיב אחד אומר (ירמיה לב) כי על אפי ועל חמתי היתה לי העיר הזאת למן היום אשר בנו אותה ועד היום הזה כאן קודם שנשא שלמה את בת פרעה כאן לאחר שנשא שלמה את בת פרעה. ג' דברי בורות אשתו של לוט מהו שתטמא אמר להן מת מטמא ואין נציב מלח מטמא. בן שונמית מהו שיטמא אמר להן מת מטמא ואין חי מטמא. מתים לעתיד לבא צריכין הזאת שלישי ושביעי או אין צריכין אמר להן לכשיחיו נחכים להן א"ד לכשיבא משה רבינו עמהם. ג' דרך ארץ מה יעשה אדם ויחכים אמר להן ירבה בישיבה וימעט בסחורה אמרו הרבה עשו כן ולא הועיל להם אלא יבקש רחמים ממי שהחכמה שלו שנאמר (משלי ב) כי ה' יתן חכמה מפיו דעת ותבונה. תנא ר' חייא משל למלך בשר ודם שעשה סעודה לעבדיו ומשגר לאוהביו ממה שלפניו מאי קמ"ל דהא בלא הא לא סגי. מה יעשה אדם ויתעשר אמר להן ירבה בסחורה וישא ויתן באמונה

אמרו

אוים דער ווילט אין ציון. אונ אין אנדערין פסוק שטייט גאט הט גזאגט אויף מיין צארען אונ אויף מיין כעס איז ביי מיר גיוועזן די שטאט פון דעם טאג וואס מען הט איר אויף גיבאהט ביז היינטיגען טאג. הט רבי יהושע גיענטפערט איידער שלמה המלך הט גענומען די טאכטער פון פרעה. הט גאט ליב גיהאט די שטאט ציון. אבער דער נאך וויא שלמה הט שוין גינומען די טאכטער פון פרעה איז גאט אין כעס גיוועזן אויף די שטאט ציון:

וואס זענען די דריי לידיגע זאכען וואס זיי האבען גיפרעגט. אויב דאס ווייב פון לוט איז מטמא אדער ניין. הט רבי יהושע גזאגט אטויטער מענטש איז מטמא אבער אשטיק זאלץ איז ניט מטמא. אונ פון לוטס ווייב איז דאך גיווארען אשטיק זאלץ. נאך האבען זייא גיפרעגט דער זוהן פון די שונמית וואס ער איז גיוועזן גישטארבען אונ אלישע הט איהם לעבעדיג געמאכט. איז ער מטמא אדער ניין. הט רבי יהושע גזאגט אטויטער איז מטמא אבער א לעבעדיגער איז ניט מטמא. אונ ער האט דאך גילעבט. דורך אנם אדער ניט דורך אנם איז אלץ דאס ועלביגע: נאך האבען זיי גיפרעגט די מתים וועלען לעבעדיג ווערין וועט מען דארפען אויף זיי שפריצען די וואסער פון די פרה אדומה דעם דריטען טאג אונ דעם זיבעטין טאג אדער ניין. הט רבי יהושע צו זיי גזאגט אז זייא וועלען לעבעדיג ווערין וועלען מיר דאמאלס קלערין דעם דין. אנדערע זאגען אזוי האט רבי יהושע גזאגט אז משה רבינו וועט קומען מיט זיי וועט ער אונז זאגען דעם דין:

וואס זענען גיוועזן די דריי וועלטליכע זאכען וואס זיי האבען גיפרעגט. וואס זאל אמענטש טאהן ער זאל קלוג ווערין אין דער תורה. הט רבי יהושע גזאגט ער זאל פיל זיצען אויף איין ארט אונ לערנען אונ ער זאל ווייניג האנדלען. האבען זיי גזאגט פיל מענטשין האבען אזוי גימאהן אונ עס הט זיי ניט גיהאלפען ווייא זענען ניט גיווארען חכמים אין דער תורה. נאר ער זאל בעטין ביי גאט וואס די חכמה איז זיינע ווער זאל איהם געבין חכמה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט וועט געבין חכמה. פון זיין מויל וועט גיגעבען ווערין וויסענשאפט אונ פערשטאנדיגקייט. רבי חייא הט גילערנט דאס איז גלייך צו אמלך וואס הט גימאכט אסעודה פאר זיינע קנעכט. צו די מענטשין וואס דער מלך הט זיי ליב נעמט דער מלך אשטיקל פון זיין העק אונ גיט זיי. ביי גאט איז אויך אזוי. ער הט בשאפען חכמה פאר די גאנצע וועלט. נאר צו די מענטשין וואס גאט הט זייא ליב. גיט ער זיי חכמה בזונדער פון זיין מויל. פרעגט די גמרא אז צו האבען חכמה דארף מען בעטין ביי גאט. פאר וואס הט רבי יהושע גזאגט אז מען דארף פיל זיצען אויף איין ארט אונ לערנען וועט מען האבען חכמה. ענטפערט די גמרא איינס אן דאס אנדערע העלפט ניט. אז מען לערנט פיל אונ מען בעט צוא גאט. קען מען ווערין אחכם אין דער תורה. נאך האבען זיי גיפרעגט וואס זאל אמענטש טאהן ער זאל רייך ווערין:

אמרו ליה הרבה עשו כן ולא הועילו אלא יבקש רחמים למי שהעושר שלו שנאמר (חגי ב) לי הכסף ולי הזהב מאי קמ"ל דהא בלא הא לא סגי. מה יעשה אדם ויהיו לו בנים זכרים אמר להן ישא אשה ההוגנת לו (דף עא) ויתקדש עצמו בשעת תשמיש אמרו הרבה עשו כן ולא הועילו אלא יבקש רחמים ממי שהבנים שלו שנאמר (תהלים קכז) הנה נחלת ה' בנים שכר פרי הבטן מאי קמ"ל דהא בלא הא לא סגי. מאי שכר פרי הבטן א"ר חמא ברבי חנינא בשכר שמשהין עצמן בבטן כדי שתזריע אשתו תחלה נותן לו הקב"ה שכר פרי הבטן:

(דף עג) ג תנא דבי אליהו כל השונה הלכות בכל יום מובטח לו שהוא בן עולם הבא שנאמר (חבקוק ג) הליכות עולם לו אל תקרי הליכות אלא הלכות:

שהיא לאוצריו של מקום נתנה נכס מפיו ולא מאוצר אחר: מאי קמ"ל. נ"ל למימר לכו ירבה בישיבה הואיל ברחמים הדבר תלוי: ויקדש עצמו. נשמש בצניעות שמשהין להוציא את הזרע: הלכות משנה וברייתא הלכה למשה מסיני:

סליק מסכת נדה

ספר

הָט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ גִזָאגְט עֶר זָאל פִיל הַאנְדְלֶען אוּנ זָאל הֶערְלֶעך הַאנְדְלֶען. דָ אָבֶּען דִיא גְזָאגְט פִיל מֶענְטְשִׁין הָאבֶּען אַזוֹי גִיטָאהן אוּנ ס׳עס הָאט זֵיי נִיט גִיהָאלְפֶען [זֵיי זֶענֶען נִיט רַייך גִיוָוארֶען] נָאר עֶר זָאל בֶּעטִין בַּיי גָאט וָוס דִי רַייכְקַייט אִיז זַיינֶע וֶועט עֶר זָאל אִיהם רַייך מַאכֶען]. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט זָאגְט צוּ מִיר גִיהֶער דִיא זִילְבֶּער אוּנ צוּ מִיר גִיהֶער דִי גָאלְד. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא אַז רַייך צוּ וֶוערִין דַארְף מֶען בֶּעטִין בַּיי גָאט. פַר וָוס הָט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ גְזָאגְט אַז מֶען דַארְף פִיל הַאנְדְלֶען. עֶנְפֶערְט דִיא גְמָרָא אֵיינְם אָן דָאס אַנְדֶערֶע הֶעלְפְּט נִיט. מֶען מוּז פִיל הַאנְדְלֶען אוּנ עֶרְלַאך הַאנְדְלֶען אוּנ בֶּעטִין צוּ גָאט אוֹיך. וֶועט מֶען רַייך וֶוערִין. נָאך הָאבֶּען זֵיי גִיפְרֶעגְט וָוס זָאל אַמֶענְטְשׁ טָאהן עֶר זָאל הָאבֶּען קִינְדֶער זְכָרִים. הָט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ גְזָאגְט עֶר זָאל נֶעמֶען אַזוֹי אַוַוייבּ וָואס זִי פַּאסְט פַאר אִיהם. אוּנ עֶר זָאל מְשַׁמֵשׁ הַמִטָה זַיין מִיט פְרוּמְקַייט. הָאבֶּען זֵייא גְזָאגְט פִיל מֶענְטְשִׁין הָאבֶּען אַזוֹי גִיטָאהן אוּנ עֶס הָאט זֵייא נִיט גִיהָאלְפֶען [זֵייא הָאבְּען נִיט גִיהַאט קִינְדֶער זְכָרִים]. נָאר עֶר זָאל בֶּעטִין בַּיי גָאט עֶר זָאל אִיהם גֶעבִּין קִינְדֶער זְכָרִים. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק הִנֵה נַחֲלַת ה בָּנִים שָׂכָר פְּרִי הַבָּטֶן [עֶס אִיז אַמַתָּנָה פוּן גָאט צוּ הָאבֶּען קִינְדֶער זְכָרִים. עֶס אִיז אַגוּטֶע בֶּעלוֹינוּנְג פוּן גָאט דִיא פְרוּכְט פוּן בּוֹיך. דָאס קִינְדֶער הָאבֶּען אִיז אַבֶּעלוֹינוּנְג פוּן גָאט פַר דִי מִצְוֹת אוּנ מַעֲשִׂים טוֹבִים וָוס דֶער מֶענְטְשׁ טוּהט]. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא אַז קִינְדֶער צוּ הָאבֶּען דַארְף מֶען בֶּעטִין בַּיי גָאט. פַר וָוס הָאט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ גְזָאגְט אַז מֶען זָאל נֶעמֶען אַפְרוּמֶע וַוייבּ אוּנ מֶען זָאל מְשַׁמֵשׁ הַמִטָה זַיין מִיט פְרוּמְקַייט. עֶנְפֶערְט דִי גְמָרָא אֵיינְם אָן דָם אַנְדֶערֶע הֶעלְפְּט נִיט. אַז מֶען הָט אַפְרוּמֶע וַוייבּ אוּנ מֶען אִיז מְשַׁמֵשׁ הַמִטָה מִיט פְרוּמְקַייט. אוּנ מֶען בֶּעט בַּיי גָאט. הָט מֶען קִינְדֶער זְכָרִים. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא וָוס מֵיינְט דֶער פָּסוּק שְׂכַר פְּרִי הַבָּטֶן [דִי פְרוּכְט פוּן בּוֹיך אִיז אַשְׂכַר]. צוּ וָוס וֶוערְט דֶער מַאנְט דֶער בּוֹיך. זָאל דֶער פָּסוּק זָאגֶען קִינְדֶער הָאבֶּען אִיז אַשְׂכַר. הָט רַבִּי חָמָא בְּרַבִּי חֲנִינָא גְזָאגְט. אַזוֹי מֵיינְט דֶער פָּסוּק וַוייל דֶער מַאן הַאלְט אוֹיף דִי זֶרַע וֶוען עֶר אִיז מְשַׁמֵשׁ הַמִטָה אִין זַיין בּוֹיך. בִּיז פְרִיעֶר זָאל אַרוֹיס גֵיין דִי זֶרַע פוּן זַיין וַוייבּ. גִיט אִיהם גָאט זַיין שְׂכַר עֶר זָאל הָאבֶּען קִינְדֶער זְכָרִים [אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פרק שלישי סימן ט]:

ג תָּנָא. דְבֵי אֵלִיָהוּ הָט גִילֶערוּנְט דֶער וָוס לֶערוּנְט דִינִים אַלֶע טָאג. אִיז עֶר פַאר זִיכֶערְט אַז עֶר וֶועט הָאבֶּען עוֹלָם הַבָּא. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק הֲלִיכוֹת עוֹלָם לוֹ. זָאלְסְט נִיט לֵייעֶנֶען הֲלִיכוֹת. נָאר זָאלְסְט לֵייעֶנֶען הֲלָכוֹת. דִינִים. דֶער וָואס לֶערוּנְט דִינִים. עוֹלָם לוֹ. וֶועט זַיין עוֹלָם הַבָּא זַיינֶע. עֶר וֶועט הָאבֶּען עוֹלָם הַבָּא:

מסכת ידים פרק שלישי

(משנה ה) **ספר** שנמחק ונשתייר בה פ"ה א תיות כפרשת (במדבר י) ויהי בנסוע הארון מטמא את הידים. מגלה שכתוב בה פ"ה אותיות כפרשת ויהי בנסוע הארון מטמא את הידים. כל כתבי הקודש מטמאין את הידים. שיר השירים וקהלת מטמאים את הידים. ר' יהודה אומר שיר השירים מטמא את הידים וקהלת מחלוקת. ר' יוסי אומר קהלת אינו מטמא את הידים ושיר השירים מחלוקת. ר' שמעון אומר קהלת מקולי בית שמאי ומחומרי בית הלל. א"ר שמעון בן עזאי מקובל אני מפי שבעים ושנים זקנים ביום שהושיבו את ר' אלעזר בן עזריה בישיבה ששיר השירים וקהלת מטמאין את הידים. אמר רבי עקיבא חס ושלום לא נחלק אדם מישראל על שיר השירים שלא תטמא את הידים שאין העולם כלו כדאי כיום שניתן בו שיר השירים לישראל שכל הכתובים קדש ושיר השירים קדש קדשים ואם נחלקו לא נחלקו אלא על קהלת. אמר רבי יוחנן בן ישוע בן חמיו של ר' עקיבא כדברי בן עזא בן נחלקו וכן גמרו

פירוש

שמינו בתחלת מס' שבת י"ח דברים גזרו בו ביום ובכללם גזרו הדברים הפוסלין את התרומה בנגיעתם ואחד מהן ספרי הקדש לפי שבזמן הוא היו נוהגין התרומה אצל ספרי תורה ואומרים זה קדש וזה קדש והיו באים עכברים לאכול את התרומה ומפסידים הספרים וע"כ גזרו על כתבי הקדש כולן שפוסלין את התרומה כשיגעו בה בעבור זה אמר במ.נה זו מטמא את הידים כי מי שנגע בידיו לאיזה ספר הקדש הרי הידים טמאות ופוסלין את התרומה אם יאכלנה בלא נטילת ידים : ויהי בנסוע הארון . אותה פרשה הוא ספר בפני עצמו כדכתיב חצבה עמודיה שבעה ודרשו חכמים שזה נאמר על התורה שיש בה ז' ספרים כי ספר במדבר הוא נחלק לג' ספרים . הא' מתחלת הספר עד ויהי בנסוע . הב' אותה הפרשה ויהי בנסוע ובנחה ויש בה פ"ה אותיות והוא ספר אחד לבדו . הג' משם ועד סוף הספר . ואמרו : מגלה שכתוב בה. ר"ל כי יריעה של ספר כיון שנכתב בו זה המנין מן האותיות נתקדשה והיתה מכתבי הקדש :

בו

פרק שלישי

משנה ה: סֵפֶר. אַסֵפֶר תּוֹרָה וָואס אִיז אָפּ גִימֶעקְט גִיוָוארֶען אוּנ עֶס אִיז גֶעבְּלִיבֶּען פִינְף אוּנ אַכְצִיג אוֹתִיוֹת. אַזוֹי וִויא דִי פַּרְשָׁה וַיְהִי בִּנְסוֹעַ הָאָרוֹן. וָואס אִין אִיר אִיז אוֹיךְ דָא פִינְף אוּנ אַכְצִיג אוֹתִיוֹת. אִיז דִי סֵפֶר תּוֹרָה מְטַמֵא דִי הֶענְט. אוּנ אַיְרִיעָה פוּן אַסֵפֶר תּוֹרָה וָוס אוֹיף אִיר אִיז גֶעשְׁרִיבֶּען פִינְף אוּנ אַכְצִיג אוֹתִיוֹת. אַזוֹי וִויא דִי פַּרְשָׁה וַיְהִי בִּנְסוֹעַ הָאָרוֹן. אִיז זִי מְטַמֵא דִיא הֶענְט. אַלֶע הֵיילִיגֶע שְׁרִיפְט. אַלֶע סְפָרִים. זֶענֶען מְטַמֵא דִי הֶענְט. שִׁיר הַשִּׁירִים אוּנ קֹהֶלֶת זֶענֶען מְטַמֵא דִי הֶענְט. רַבִּי יְהוּדָה זָאגְט שִׁיר הַשִּׁירִים הַאלְטֶען אַלֶע אַז זִיא אִיז מְטַמֵא דִיא הֶענְט. אוּנ אוֹיף קֹהֶלֶת קְרִיגֶען תַּנָאִים צְווִא זִיא אִיז מְטַמֵא דִיא הֶענְט צוּ נֵיין. רַבִּי יוֹסֵי זָאגְט קֹהֶלֶת הַאלְטֶען אַלֶע אַז זִיא אִיז נִיט מְטַמֵא דִיא הֶענְט. אוּנ אוֹיף שִׁיר הַשִּׁירִים קְרִיגֶען תַּנָאִים צוּ זִיא אִיז מְטַמֵא דִיא הֶענְט צוּ נֵיין. רַבִּי שִׁמְעוֹן זָאגְט בַּיי קֹהֶלֶת הַאלְט בֵּית שַׁמַאי גְרִינְג אַז זִיא אִיז נִיט מְטַמֵא דִיא הֶענְט. אוּנ בֵּית הִלֵל הַאלְט אַרְגֶער אַז זִיא אִיז יָא מְטַמֵא דִיא הֶענְט. רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן עַזַאי זָאגְט אִיךְ הָאבּ גִיהֶערְט פוּן צְווִייא אוּנ זִיבֶּעצִיג אַלְטֶע לַייט אִין דֶעם טָאג וָואס מֶען הָט גִימַאכְט רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה פַאר אַראשׁ יְשִׁיבָה. אַז שִׁיר הַשִּׁירִים אוּנ קֹהֶלֶת זֶענֶען מְטַמֵא דִי הֶענְט. הָט רַבִּי עֲקִיבָא גְזָאגְט חַס וְשָׁלוֹם אֵיין מֶענְטְשׁ פוּן יוּדֶען הָאט נִיט גֶעקְרִיגְט צוּא זָאגֶען אוֹיף שִׁיר הַשִּׁירִים אַז זִיא אִיז נִיט מְטַמֵא דִי הֶענְט. וָוארוּם דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז נִיט אַזוֹי פִיל וֶוערְט וִויא דֶער טָאג וָואס אִין אִיהם אִיז גִיגֶעבֶּען גִיוָוארֶען שִׁיר הַשִּׁירִים צוּ דִיא יוּדֶען. וָוארוּם גַאנְצֶע כְּתוּבִים אִיז הֵיילִיג; אוּנ שִׁיר הַשִּׁירִים אִיז הֵיילִיגֶער פוּן אַלֶע הֵיילִיגֶע. נָאר אוֹיבּ תַּנָאִים הָאבֶּען גֶעקְרִיגְט. הָאבֶּען זֵייא מֶער נִיט גֶעקְרִיגְט נָאר אוֹיף קֹהֶלֶת. אוּנ קֹהֶלֶת אִיז מְטַמֵא דִי הֶענְט אָדֶער נֵיין. רַבִּי יוֹחָנָן דֶער זוּהן פוּן יְהוֹשֻׁעַ דֶער זוּהן פוּן רַבִּי עֲקִיבָאס שְׁוֶוער הָאט גְזָאגְט אַזוֹי וִויא רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן עַזַאי הָט גְזָאגְט; אַזוֹי הָאט מֶען גֶעקְרִיגְט אוֹיף שִׁיר הַשִּׁירִים מִיט קֹהֶלֶת. אוּנ אַזוֹי אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אַז שִׁיר הַשִּׁירִים מִיט קֹהֶלֶת זֶענֶען מְטַמֵא דִי הֶענְט

פרק רביעי

(משנה ד) **בו** ביום בא יהודה גר עמוני ועמד לפניהם בבית המדרש אמר להם מה אני לבא בקהל א"ל רבן גמליאל אסור אתה א"ל ר' יהושע מותר אתה א"ל ר"ג הכתוב אומר (דברים כג) לא יבא עמוני ומואבי בקהל ה' וגו' א"ל ר' יהושע וכי עמוני ומואבי במקומן הן כבר עלה סנחריב מלך אשור ובלבל את כל האומות שנאמר (ישעיה י) ואסיר גבולות עמים ועתודותיהם שוסיתי ואוריד כאביר יושבים א"ל ר"ג הכתוב אומר (ירמיה מט) ואחרי כן אשיב את שבות בני עמון וכבר חזרו א"ל ר' יהושע הכתוב אומר (עמוס ט) ושבתי את שבות עמי ישראל ועדיין לא חזרו זהתירוהו לבא בקהל:

(משנה ה) **תרגום** שבעזרא ושבדניאל מטמא את הידים. תרגום שכתבו עברית ועברית שכתבו תרגום וכתב עברי אינו מטמא

הרמב"ם ז"ל. לפי שנתבלבלו האומות בזמן סנחריב כמו שנתפרסם בספרי הנבואה לפי שהיה מעביר האומות ממלכה זו למלכה א' ע"כ חזרו משפחות האומות אצלנו נעלמים ואין יכולים ללמוד דברים ממקומותיהם וידוע כי ע' לשון כולם מותרים לבוא בקהל מיד חוץ מעמון ומואב ומצרי ואדומי והעיקר בידנו כל דפריש מרובא פריש וע"כ התירוהו לבוא בקהל מיד והתבונן איך לא הניח ר"ג מלהכנס במדרש ביום ההוא והוא המורד מן הישיבה והושיבו את ר"א בן עזריה כמו שנתפרסם לפי שהוא לא רצה בביטול תורה:

עברית. הלשון עברית וכתב העברי כתב עבר והוא הכתב אשר כותבין בו התורה העם הנקראים אלסמרי"ה והכתב הזה אשר נכתוב בו אנחנו התורה הוא כתב אשורית והכתב אשר בו כתב יתברך התורה נקרא אשורי מן הגדולה והתפארת כמו באשרי כי אשרוני בנות והוא אמרם אשורי שהוא מאושר שבכתב לפי שאינו משתנה ולא יפול בו דמיון לעולם לפי שאותיותיו בלתי מתדמות לפי שאינו נדבק אות באות בשעת כתיבתו ואין זה כשאר הכתיבות עכ"ל הרמב"ם ז"ל:

פרק רביעי

משנה ד: בו: אין דעם טאג וואס רבי אלעזר בן עזריה איז געווארען אנשיא. איז געקומען איינער יהודה ער איז געוועזען אגר פון עמון. אונ ער הט זיך געשטעלט פאר די חכמים אין בית המדרש. אונ דער יהודה הט גזאגט צו די חכמים מעג איך קומען אין די יודישע פרזאמלונג. מעג איך נעמען אווייב פון יודען. אדער ניין; הט רבן גמליאל נזאגט צו יהודה דו טארסט נים. הט רבי יהושע גזאגט צו יהודה דו מעגסט. האט רבן גמליאל גזאגט צו רבי יהושע דער פסוק זאגט עמון אונ מואב זאלען נים קומען אין די פאר זאמלונג פון גאט. אפילו דער צעהנטער דור זאל אויך נים קומען אין דיא פערזאמלונג פון גאט; הט רבי יהושע גזאגט צו רבן גמליאל זענען דען עמון אונ מואב אויף זייערע ערטער. ווס מען זאל וויסען ווער עס איז גיבארען פון עמון; סנחריב דער מלך פון אשור איז דאך אויף גיגאנגען אונ הט צו מישט אלע פעלקער. די מענטשין פון די מדינה הט ער פאר טריבען אין איין אנדער מדינה. אונ דיא מענטשין פון דיא אנדערע מדינה הט ער פר טריבען אין די מדינה. אזוי וויא דער פסוק זאגט סנחריב הט גזאגט איך וועל אפ טאהן די גרענצין פון די פעלקער אונ זייערע אוצרות וועל איך רויבען. אונ איך וועל אראפ נידערין פיר זיצער פון זייערע לענדער. אונ ווייל עס איז אספק אויב יהודה איז פון עמון גיבארען אדער ניין. דארף ער מעגין נעמען אידישע ווייב; האט רבן גמליאל גזאגט צו רבי יהושע דער פסוק זאגט דאך אז גאט הט גזאגט איך וועל צוריק קערין די קינדער פון עמון אין זייער לאנד אונ זייא האבען שוין לאנג צוריק גיקערט. האט רבי יהושע גזאגט צו רבן גמליאל דער פסוק זאגט דאך אז גאט האט גזאגט איך וועל צוריק קערין מיין פאלק ישראל אונ יהודה צו זייער לאנד. אונ זיי האבען נאך ניט צוריק גיקערט. ווייס מען דאך ניט פון וואנען דער גר יהודה איז. פון עמון אדער פון איין אנדער פאלק וועלכע זיי מעגין קומען אין די פר זאמלונג פון גאט. האבען די חכמים גיפסקנט אז דער גר יהודה מעג נעמען אידישע ווייב:

משנה ה: תרגום. דער תרגום ווס שטייט אין עזרא אונ אין דניאל. איז מטמא דיא הענט. אויב ער האט געשריבען דעם תרגום ווס שטייט אין דניאל אונ אין עזרא אונ אין

מטמא את הידים. ולעולם אינו מטמא את הידים עד שיכתבנו אשורית על העור ובדיו:

(משנה ו) **אומרים** צדוקים קובלנו אנו עליכם פרושים שאתם אומרים כתבי הקדש מטמאין את הידים וספרי המירס אינם מטמאין את הידים. א"ר יוחנן בן זכאי וכי אין לנו על הפרושים אלא זו בלבד והלא הם אומרים עצמות חמור טהורים ועצמות יוחנן כהן גדול טמאים. א"ל לפי חיבתן היא טומאתן שלא יעשה אדם עצמות אביו ואמו תרוודות. אמר להם אף כתבי הקדש לפי חיבתן היא טומאתן ספרי המירס שאינן חביבין אין מטמאין את הידים:

הרמב"ם ז"ל. כבר באדנו בראשון של אבות ענין צדוק וביתוס ותחבולתם והם היוצאים מתורתנו ומכחישים אותנו בקבלתנו ופי' קובלים מתרעמים: וספרי מירם. הם ספרים שעשו הצדוקים שמשיבים על תורתנו וחולקין עליה ונקראו ספרי מירם כלומר ספרי מדחה ותשובת ר' יוחנן להם תשובתו כענין הבזיון וליצנות בהם: תרוודות. כפות וכבר בארנו כי הכונה אשר אנו אומרים כי כתבי הקדש מטמאין את הידים כדי שנשמור ונרחיק מהם סבת הפסדם כמו שזכרנו בסוף זבים:

הרמב"ם ז"ל. כבר ידעת כי מדיננו כי העבדים שהזיקו אין חייבין בתשלומים כמו שנתבאר בב"ק נשים ועבדים וקטנים פגיעתן רעה כן שחבלו באחרים פטורים והמינים היות האדם חייב כשהזיק כמתנו כולא לשון התורה כי יגח שור וגו': שאם

(משנה ז) **אומרים** צדוקים קובלנו אנו עליכם פרושים מה אם שורי וחמורי שאיני חייב בהם מצות הרי אני חייב בנזקן עבדי ואמתי שאני חייב בהן מצות אינו דין שאהא חייב בנזקן אמר להם לא אם אמרתם בשורי והמורי שאין בהם דעת תאמרו בעבד ואמה

ירמיה אויף לשון קודש. אונ די לשון קודש פון די נביאים האט ער געשריבען אויף תרגום. אונ דער כתב וואס מען שרייבט אויף די אנדערע זייט טייך פרת. מיט דעם כתב האט ער געשריבען לשון קודש אדער תרגום. איז ניט מטמא די הענט. אספר איז אנדערש ניט מטמא די הענט סיידין עס זאל זיין געשריבען מיט דעם כתב וואס מען שרייבט א ספר תורה. אונ אויף פעל. אונ מיט טינט. ניט מיט פארב:

משנה ו: אומרים. די אפקורסים האבען גזאגט צו די רבנן: עס פאר דריסט אונז אויף אייך רבנן (די רבנן רופט מען פרושים ווייל זיי זענען געווען אפ געשיידט פון די עמי הארצים) איר זאגט די הייליגע שריפט תנ"ך איז מטמא די הענט. אונ די אפקורסישע ספרים זענען ניט מטמא די הענט. האט רבן יוחנן בן זכאי גזאגט צו די אפקורסים האבען מיר דען ניט וואס אונז זאל פר דריסען אויף די חכמים נאר די זאך אליין. עס איז דא נאך זאכען וואס אונז דארף פר דריסען אויף די חכמים. די חכמים זאגען די ביינער פון אאייזעל וואס איז גיפייגערט זענען טהור. אונ די ביינער פון יוחנן כהן גדול אז ער וועט שטארבען וועלען זיין טמא. האבען די אפקורסים גזאגט צו רבן יוחנן ווייל אמענטש איז ביי אונז ליב. דריבער האט מען גזאגט זיינע ביינער זאלען זיין טמא. אמענטש זאל ניט מאכען לעפלען פון די ביינער פון זיין פאטער אדער פון זיין מוטער. דריבער האט מען גזאגט זיי זענען טמא. וועט ער זיי מוזען בגראבען. האט רבן יוחנן בן זכאי גזאגט צו די אפקורסים. די הייליגע שריפט איז אויך אזוי. ווייל מען האט זיי ליב. דריבער האט מען גזאגט זיי זענען מטמא די הענט. מען זאל ניט מאכען פון אספר תורה אזאק אדער אנדערע כלים. אבער די ספרים פון דיא אפקורסים ווייל זייא זענען ניט ליב ביי אונז דריבער זענען זיי ניט מטמא די הענט:

משנה ז אומרים. די אפקורסים האבען גזאגט צו די רבנן. עס פאר דריסט אונז אויף אייך רבנן. איר זאגט אז אאקס אדער אאייזיל טוהען אשאדין. דארף דער בעל הבית בצאלען דעם שאדין. אונ אז אקנעכט אדער אדינסט כנענים אז זיי טוהען אשאדין דארף ניט דער בעל הבית בצאהלען. איז דאך אקשיא מיין אקס אדער מיין אייזיל וואס איך בין ניט מחויב זייא זאלען טאהן מצות. פון דעסטוועגין אז זייא טוהען אשאדין מוז איך בצאהלען דעם שאדין. אונ מיין קנעכט אונ מיין דינסט דיא כנענים וואס איך בין מחויב צו זעהן זיי זאלען טאהן מצות. דארף דען ניט זיין דער דין אז זיי טוהען אשאדין זאל איך דארפען בצאהלען זייער שאדין: האבען די חכמים גזאגט צו די אפקורסים ניין עס איז ניט וויא איר זאגט.

ואמה שיש בהם דעת שאם אקניטנו ילך וידליק גדישו של אחר ואהא חייב לשלם :

(משנה ח) **אמר** מין גלילי קובל אני עליכם פרושים שאתם כותבים המושל עם משה בגט אומרים פרושים קובלים אנו עליך מין גלילי שאתם כותבים את המושל עם השם בדף ולא עוד אלא שאתם כותבים את המושל מלמעלן ואת השם מלמטן שנאמר (שמות ה) ויאמר פרעה מי ה' אשר אשמע בקולו לשלח את ישראל וכשלקה מהו אומר (שם ט) ה' הצדיק :

מסכת פרק שלישי עוקצין

(משנה אחרונה) **א"ר** יהושע ב"ל עתיד הקב"ה להנחיל לכל צדיק וצדיק ש"י עולמות שנאמ' (משלי ח) להנחיל אוהבי יש ואוצרותיהם אמלא . אר"ש בן חלפתא לא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה לישראל אלא

אקניטנו . אם אקניטנו . (ופירוש אני חייב שכן מנות שאני חייב להדריכם במצות) :
אומר מין שאתם מפתיחין שם משה רבינו בהיותכם כותבים אותו בשטרות עם שם המושל ר"ל שאנו כותבים זמן עשייתו לפלוני המלך וגם כותבי' בשטר שהוא כדת משה וישראל וא"ל חכמים כי אין זה גרעון לשמו אלא בזה גדולה לאותו המלך כמו שאנו כותבים בתורה ה' עם פרעה ולא די בזה אלא שעוד נקדים שם פרעה כמו שנאמר ויאמר פרעה מי ה' אשר אשמע בקולו ולפי שזכר הפסוק הוא מאומר פיהו׳ס מסכתא מהמסכתות בהכחשת כופר לגבורה אבל נאמנה בו על כן אמר וכשלקה מהו אומר ה' הצדיק עכ"ל הרמב"ם :
לפי שהשלים כל דיני ההלכה הקודמת כמו שפרש אתם הדברים בגמול וענין אמרו ש"י עולמות כאילו קבלו מעדני העולם הזה בכללם לפי חלוק מיני מעדניהם וה"כ נכפל אותו כמקובץ ש"י פעמים יהיה מה שיגיע אחד מן הצדיקים מעדני העה"ב כמו זה המנה שתעדן הזמן הזה איני נחזר אבל כל נפש הזכה להיי העה"ב ולא תאבד לעולם והוא ענין יש רוצה לומר המציאות התמידי אשר לא יחסר לפי שיש הוא המציאות ואין הוא האפיסה וכאלו אומר כי אוהבי הנחיל את המציאות בפשיטות ואין שם מציאות אמתי אלא ההתמדה והוא״א בפסוק הזה

אויב מֶען הָט גְזָאגְט אַז אַאָקְס אָדֶער אַאֵייזִיל טוּהֶען אַשָׁאדִין דַארְף דֶער בַּעַל הַבַּיִת בְּצָאלֶען׃ ווייל זֵיי הָאבֶּען נִיט קֵיין שֵׂכֶל צוּ טָאן מִיט פְּרַיים אַשָׁאדִין דֶער בַּעַל הַבַּיִת זָאל דַארְפֶען בְּצָאהלֶען ׃ אִיז זֵייעֶר שָׁאדִין גִיטָאהן גִיוָוארִין אַמָאהל מְרֶעפִּינְדִיג. ווילְט אִיר זָאגִין אַז אַקְנֶעכְט אוּנ אַדִינְסְט בְּנַעֲנִים אַז זֵיי טוּהֶען אַשָׁאדֶען . זָאל אויךְ דַארְפֶען דֶער בַּעַל הַבַּיִת בְּצָאהלֶען . זֵייא הָאבֶּען דָאךְ שֵׂכֶל צוּ טָאהן אַשָׁאדֶען מִיט פְּרַיים דֶער בַּעַל הַבַּיִת זָאל דַארְפֶען בְּצָאהלֶען . אויב אִיךְ וֶועל דֶעם קְנֶעכְט אָדֶער דִיא דִינְסְט דֶער צֶערֶענֶען וֶועט עֶר גֵיין אוּנ וֶועט אָן צִינְדֶען אַפְּרֶעמְדֶען שֵׁייעֶר אוּנ אִיךְ וֶועל מוּזֶען בְּצָאהלֶען . דְרִיבֶּער הָאט מֶען גְזָאגְט אַז פַאר דֶעם שָׁאדִין פוּן זַיין קְנֶעכְט אוּנ פוּן זַיין דִינְסְט דַארְף נִיט דֶער בַּעַל הַבַּיִת בְּצָאהלֶען׃

משנה ח אָמַר . אַאַפִּקוֹרוֹס פוּן גָלִיל הָאט גְזָאגְט צוּ דִיא רַבָּנָן מִיךְ פַאר דְרִיסְט אויף אַייךְ רַבָּנָן . פַאר וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אִין אַגֶט דֶעם נָאמֶען פוּן מֶלֶךְ מִיט דֶעם נָאמֶען פוּן משֶׁה רַבֵּינוּ (פאר צֵייטֶען פְלֶעגְט מֶען שְׁרַייבֶּען אִין אַגֶט אַזוֹי פִיל יָאהר אִיז פוּן דֶעם מֶלֶךְ . וֶוען זַיין מְלוּכָה הָאט זִיךְ אָן גִיהוֹיבֶּען . אוּנ אִין סוֹף פוּן גֶט שְׁרַייבְּט מֶען כְּדַת משֶׁה וְיִשְׂרָאֵל) , הָאבֶּען דִיא רַבָּנָן גְזָאגְט צוּ דֶעם אַפִּיקוֹרוֹס אוּנז פַר דְרִיסְט אויף דִיר דוּ אַפִּקוֹרוֹס פוּן גָלִיל. אִיר שְׁרַייבְּט דֶעם נָאמֶען פוּן מֶלֶךְ מִיט דֶעם נאמֶען פוּן גָאט אויף אֵיין זַייט . אוּנ נָאךְ נִיט דָאס אַלֵיין טוּהט אִיר . נָאר אִיר שְׁרַייבְּט דֶעם נָאמֶען פוּן מֶלֶךְ הוֹיבֶּען (פְרִיעֶר) . אוּנ דֶעם נָאמֶען פוּן גָאט אוּנְטֶען (שְׁפֶּעטֶער). אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק פַּרְעֹה הָט גְזָאגְט וֶוער אִיז גָאט וָוס אִיךְ זָאל הֶערִין וָוס עֶר זָאגְט . מֶען זָאל אַרוֹיס שִׁיקֶען דִיא יוּדֶען פוּן מִצְרַיִם . שְׁטֵייט פַּרְעֹה פְרִיעֶר דֶער נָאךְ שְׁטֵייט ה' . אוּנ אַז פַּרְעֹה אִיז גִישְׁלָאגֶען גִיוָוארֶען וָואס הָאט עֶר גְזָאגְט ה' הַצַּדִיק . גָאט אִיז גִירֶעכְט :

משנה יב אָמַר . רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי הָט גְזָאגְט גָאט וֶועט גֶעבִּין צוּ יֶעדֶער צַדִיק בְּזוּנְדֶער דְרַיי הוּנְדֶערְט מִיט צֶעהן וֶועלְטִין . אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִיךְ וֶועל גֶעבִּין צוּ דִי צַדִיקִים . וָואס הָאבֶּען מִיךְ לִיב . יֵשׁ . דְרַיי הוּנְדֶערְט מִיט צֶעהן . שִׁי"ן אִיז דְרַיי הוּנְדֶערְט . יוּד אִיז צֶעהן . אוּנ זֵייעֶרֶע אוֹצְרוֹת וֶועל אִיךְ פוּל מַאכֶען מִיט אַלֶעם גוּטֶען :

רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן חֲלַפְתָּא הָט גְזָאגְט גָאט הָאט נִיט גֶעפוּנֶען קֵיין אַנְדֶער כֵּלִי וָוס זִי זָאל אויף הַאלְטֶען אַלֶע בְּרָכוֹת בַּיי דִיא יוּדֶען . נָאר שָׁלוֹם. אַז עֶס אִיז שָׁלוֹם בַּיי דִי יוּדֶען הָאבִּען זֵייא אַלֶע בְּרָכוֹת . אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט וֶועט גֶעבִּין שְׁטַארְקֵייט צוּ דִי יוּדֶען . עֶר וֶועט זֵיי

גדול התענוג על דרך משל ומספרם י"ש וזהו על דרך התעוררות בלבד כי אותו התענוג גד"ל אמנם שלמה כי כמו שאין שווי בין הנחקר לאשר אינו נחקר כן אין שווי בין אלו הטעמים אשר אמרנו ואותם התענוגים . הרמב"ם ז"ל :

אלא השלום שנאמר (תהלים כט) ה' עוז לעמו יתן ה' יברך את עמו בשלום :

סליק מסכת עוקצין

שְׁטַארְקֶען מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת . אוּנ גָאט וֶועט זַייא בֶּענְטְשִׁין מִיט שָׁלוֹם

תם ונשלם